3 9097 00959176 0

Brandeis University
Library

TRUTH · EVEN · UNTO · ITS · INNERMOST · PARTS
אמת

As for the wise, their body alone perishes in this world – Rashi

Di Tsukunft

דיא צוקונפט

א מאָנאַטליכער זשורנאַל פיר

וויסענשאַפט, ליטעראַטור און סאָציאַליזמוס

רעדאַקטירט פון

דר. קאַרל פאָרנבערג

ארויסגעגעבען פון

דיא צוקונפט פרעסס פעדעריישאַן

עלפטער יאָהרגאַנג

1906

נוי יאָרק.

DIE ZUKUNFT

a Jewish Monthly Magazine,

PUBLISHED BY THE

ZUKUNFT PRESS FEDERATION

New York

PJ5111 v.11 1906 c.2

אינהאלטס פערצייכניס.

לעבענס־בעשרייבונגען.

אויגוסט קאָמט, (נאָך האָבארד) — ב. ראָזענבלאטט — 106
הענריך איבסען, — ה. אלעקסאנדראָוו — 149
הענרי וואָדסוואָרטה לאָנגפעללאָ — י. גאָרדין — 281
מאקסים גאָרקי — י. גאָרדין — 327
ניקאָלאי טשאיקאָווסקי — מ. קאַטץ — 365
הענריך איבסען, — דר. ק. שמידט — 404
מאָררים ווינטשעווסקי — דר. ק. פאָרנבערג — 451
פיליפּ קראנץ — י. מילך — 466
ראמבראָנדט — מ. קאַטץ — 473

סאָציאליסטישע בעוועגונג און סאָציאליזמוס.

דער סאָציאליסטישער אידעאל, — זשאן זשאָרעס — 1
דיא אלטע און דיא נייע יוניאָנס, — יודזשין וו. דעבס — 10
סאָציאל דעמאָקראטיע און מארקסיזמוס, — דר. ק. פאָרנבערג — 67
דיא סאָציאליסטישע בעוועגונג, — דר. ק. פאָרנבערג — 121
דער אידעאליזמוס פון דער מארקסיסטישער לעהרע, עמיל וואנדערוועלדע — 133
דיא פּסיכאָלאָגיע פון א סאָציאל־דעמאָקראט, מ. זאמעטקין — 188
דיא אלטע און דיא נייע אינטערנאציאָנאלע, פּראָפ. ווערנער זאמבארט — 206, 296
דיא ארבייטער בעוועגונג אין ענגלאנד, — מאָרים מייער — 211, 301
דיא אלטע און דיא נייע יוניאָנס — י. בעראָנדעס — 242
דער ערשטער מאי — מ. זאמעטקין — 263
ארבייטער אָרגאניזאציאָנען און ארבייטער קעמפּפע אין פראנקרייך, ק. פאָרנבערג, 386, 445
מיוניציפּאל סאָציאליזמוס, (מיוניסיפּאל אָונערשיפּ), טהעאָדאָר ראָטשטיין, 389, 469, 589
קאָמוניסטישע קאָלאָניען אין אמעריקא — ה. אלעקסאנדראָוו — 349, 660, 713
אָרגאניזאציאָן און דיסציפּלין, — ה. ראָלאנד־האָלסט, — 513
ארבייטער בעוועגונג און סאָציאל דעמאָקראטי אין דער שווייץ, א. מירקין 529, 683, 746
דיא טאקטיק פון דער דייטשער סאָציאל דעמאָקראטיע, מ. בעער, — 573
דער סאָציאליזמוס אין גאליציען, — פּ. קראנץ, — 585, 646
דיא געגענווארט און צוקונפט פון דער טרייד יוניאָן בעוועגונג, וו. עדלין, — 593
דער מאנהיימער פּארטיי־טאָג, — א. ש. זאקס, — 636, 709
דער איטאליענישער סאָציאליזמוס, — ראָבערט מיכעלס, — 699

קריטיק, פילאָזאָפיע און פּעדאגאָגיע.

פעלקער פערברידערונג, — קארל מארקס, — 74
דיא צוקונפט פון אידישען טהעאטער, — י. גאָרדין, — 81
קארל מארקס אלס קאָרעספּאָנדענט, — פּ. קראנץ, — 145
שלום יעקב אבראמאָוויטש, — י. ענטין, — 163, 238, 307
ציוניזמוס, טעריטאָריאליזמוס און סאָציאליזמוס, י. מילך,
1) זייער שייכות איינע צו די אנדערע, — 275
2) יעדע איינע צוליעב דיא אנדערע, — 334
3) דער ציוניסטישער מארקסיזמוס, — 435
4) דאָס „נעגאטיווע“ פּראָלעטאריאט, — 564,628
דוד פינסקי, — י. ענטין, — 428, 488
דיא נאציאָנאלע פראגע און דיא אידען פראגע, דר. ק. פאָרנבערג, — 499
דער דזשאָנגל, — ל. בודיאנאָוו, — 457, 521
דיא סאָציאלע שטרעמונגען אין דער מאָדערנער דראמא, יאָזעף איראָן, — 517
שלום אש, — ה. אלעקסאנדראָוו, — 615

סאָציאל פּאָליטיק און סאָציאלע וויסענשאפט.

וואָס איז אזוינס פּאָליטישע עקאָנאָמיע? — א. ש. זאקס, — — — — — — — — 5

ארבייטסלאָזיגקייט, — — — — — — — — דר. ק. פאַרנבערג, — — — — — — — 12

קאָנסטיטוציאָנעלע געזעצע, — — — — — — מ. סמיטה, — — — — — — — — — 76

ווען איז פּאָליטישע עקאָנאָמיע געוואָרען א וויסענשאפט? א. ש. זאקס, — — — — 102

דער אָנפאנג פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, א. ש. זאקס, — — — — — — 174

מיטלען געגען ארבייטסלאָזיגקייט, — — — דר. ק. פאַרנבערג, — — — — — 183

פון וואנען נעהמט זיך דער גלויבען אין גאָט? פּאָל לאפארג, — — — — — — 199, 265

דיא לעהרע פון דיא פיזיאָקראטען, — — — א. ש. זאקס, — — — — — — — — 234

דיא אייזענבאהנען אין דיא פעראייניגטע שטאאטען, נחום צדק — — — — — 271

דיא אימיגראציאָן און דיא אידען, — — דר. י. מ. רובינאָוו, — — — — — 330

דיא אייזענבאהנען און דיא פּראכטען, — — נחום צדק, — — — — — — — — 342

אדאם סמיטה און זיין לעהרע, — — — — — א. ש. זאקס, — — — — — — — — 374

דיא עקאָנאָמישע לאגע פון דיא אידען אין רוסלאנד, בן יקיר, — — — — — 382

דיא אימיגראציאָן און דער ארבייטער קלאס, דר. י. מ. רובינאָוו, — — — — 409

דיא אייזענבאהנען און דיא געזעצען, — — נחום צדק, — — — — — — — — 440

דיא אידישע אימיגראציאָן און דיא אימיגראציאָנס געזעצען, דר. י. מ. רובינאָוו, 461

דיא אייזענבאהנען און דיא טראָסטס, — — נחום צדק, — — — — — — — — 535

טהאָמאס ראָבערט מאלטהוס, — — — — — א. ש. זאקס, — — — — — — — — 555

דיא אייזענבאהנען און פּאָליטיק, — — — נחום צדק, — — — — — — — — 578

דוד ריקארדאָ, — — — — — — — — — — א. ש. זאקס, — — — — — — — — 624

דיא עקאָנאָמישע לאגע פון דיא איינגעוואנדערטע אידען, דר. י. מ. רובינאָוו, — 642

ריקארדאָ'ס ארבייטס טהעאָריען, — — — — א. ש. זאקס, — — — — — — — — 688

וואוהין זאָלען דיא אידען פאָהרען? — — דר. מ. רובינאָוו, — — — — — — 703

ריקארדאָ'ס רענטע טהעאָריע, — — — — — א. ש. זאקס, — — — — — — — — 739

צייט־פראגען.

צו דיא לעזער, — — — — — — — — — — — דיא צוקונפט, — — — — — — — 450

אונזער בעוועגונג און דיא פּרעססע, — — י. מילך, — — — — — — — — — 18

דיא אמעריקאן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, — וו. עדלין, — — — — — — — — 41

דיא פּאָגראָמען און דיא אמעריקאנער אידען, פ. ראָזענבלאטט, — — — — — — 45

ביזנעס דעפּארטמענט, — — — — — — — דיא צוקונפט, — — — — 198, 134, 64

אמאָהל און היינט, — — — — — — — — מ. זאמעטקין, — — — — — — — — 117

אן אלע פּאַרטײגעשריטענע אָרגאניזאציאָנען, — דיא צוקונפט, — — — — — — 132

דיא נשמה און דער גוף פון דער ארבייטער בעוועגונג, ב. פייגענבוים, — — — 313

דיא דומא און דיא רעוואָלוציאָן, — — — דר. ק. פאַרנבערג, — — — — — — 394

איבער דער וועלט, — — — — דר. ק. פאַרנבערג, 693, 632, 568, 317, 252, 191, 18

דאָס לעצטע וואָרט, — — — — — — — — — דר. ק. פאַרנבערג, — — — — — 751

נאטורוויסענשאפט און היגיעניע

ווארימקייט, — — — — — — — — — — — דר. י. בלומשטיין, — — — — — — 36

אין דער וויסענשאפטליכער וועלט, — — — דר. אב. קאספּע, — — — — — — — 55

אויף יענער זייט פון דער זונן, — — — — דר. ווילהעלם מאיר, — — — — — 100

דיא קראנקהייטען פון די טענעמענט הייזער, דר. מ. גירזשדאנסקי, — — — — 139

דיא טהעאָריע פון ווארימקייט, — — — — דר. י. בלומשטיין, — — — — — 178

טענעמענט הויז קראנקהייטען, — — — — דר. מ. גירזשדאנסקי, — — — — — 227

דער מקור פון קראפט אויף דער ערד, — — דר. י. בלומשטיין, — — — — — 294

טובערקולאָזיס, — — — — — — — — — דר. מ. גירזשדאנסקי, — — — — — 369

דער וועלט בנין, — — — — — — — — פּראָפ. יוליוס פראנק, — — — 492, 429

אנשטעקענדע קראנקהייטען, — — — — — דר. מ. גירזשדאנסקי, — — — — — 551

418201

דאָס לאכען, — — — — — — — — — — דר. ח. ספיוואק, — — — — — — — — — 620

דיא וועללען־טהעאָריע אלס דער פונדאמענט פון די נאטור וויסענשאפט,

דר. א. א. הימאָוויטש, — — — — — — — 678

ערצעהלונגען, סקיצען, הומאָר.

ער און מאקס און דיא „שעהנע העלענא“, ל. קאָברין, — — — — — — — — 86, 27

ערב א פאָגראָם, — — — — — — — — — יעלאָפּאטעווסקי, — — — — — — — 97

צושלאָגענע געדאנקען פון א משוגענעם פילאָזאָף, — — — — — — — — — — 113

דער זוהן פון דער זונן, — — — — — קנוט האמסון, — — — — — — — — 158

מיין רבי, — — — — — — — — — — — א. סענעקס, — — — — — — — — — — 170

א קאפיטעל פאמיליען לעבען, — — — — מ. בלינקין, — — — — — — — — 220

און זיא איז אוועק, — — — — — — — — הערמאן הייערמאנס, — — — — — 225

זיי פאסט ניט, — — — — — — — — — — האנס אָסוואלד, — — — — — — — — 290

ארויס פון גלות, — — — — — — — — — פיער האלסטראם, 603, 546, 482, 413, 346

א מאן אָהן א דזשאב, — — — — — — — ז. ליבין, — — — — — — — — — — 358

פרנסה, — — — — — — — — — — — — ז. קאָרנבליטה, — — — — — — — — — 421

אין א וואכענדיגער נאכט, — — — — — מ. בלינקין, — — — — — — — — — 438

לילית, — — — — — — — — — — — — הערמאן גאָלד, — — — — — — — — — 542

אויף דיא בערג (פּראָלאָג), — — — — — י. גאָרדין, — — — — — — — — — 598

זשורנאליסטישע עראינערונגען, — — — — מ. ווינטשעווסקי, — — — 733, 673, 610

דיא ערשטע גנבה, — — — — — — — — ש. אדלער, — — — — — — — — — — 670

דריי ווידוי׳ס, — — — — — — — — — — י. אונגעוויטער, — — — — — — — 728

פּאָלעמיק.

דיא סאָציאליסטען־טעריטאָריאליסטען אין טהעאָרי און פּראקטיק, אב. גאָלדבערג, 719, 653

פּאָעזיע.

דיא בלוטיגע איינוויהונג, — — — — — יהואש, — — — — — — — — — — 24

א מופת פון שפּאלער (באללאדע), — — — ה. רויזענבלאט, — — — — — — 155, 94

דער דיכטער, — — — — — — — — — — י. סלאָנים, — — — — — — — — — — 112

דיא ליעבע, דיא ליעבע זאָל לעבען! — — י. יפה, — — — — — — — — — — 162

הייוואטהא, ה. וו. לאָנגפעללאָו (איבערזעצט פון יהואש),

725, 607, 544, 479, 418, 353, 287, 214

דיא אלטע יודאשע, — — — — — — — — י. יפה, — — — — — — — — — — 219

און קומט דיא ליעבע נאכט... — — — — י. סלאָנים, — — — — — — — — — 233

פריהלינגס ליעדער, — — — — — — — — י. סלאָנים, — — — — — — — — — 272

אויב דו פיהלסט, — — — — — — — — — מ. טייטש, — — — — — — — — — 352

דעם דיכטערס טראגעדיע, — — — — — — י. מארינאָוו, — — — — — — — — 363

דיא ליעד פון ראכע, — — — — — — — — י. סלאָנים, — — — — — — — — 420

מיין קישעלע, — — — — — — — — — — י. טינקעל, — — — — — — — — — 425

פאָלקס ליעד. — — — — — — — — — — י. סלאָנים, — — — — — — — — — 425

און ווען דער פריהלינג האָט בעגריסט, — י. מארינאָוו, — — — — — — — — 456

ביי דעם גרויסען האפען, — — — — — — ה. רויזענבלאט, — — — — — — — 487

וואָלקענס לייכטע,.... — — — — — — — י. סלאָנים, — — — — — — — — — 487

זיא וויינט מיין געליעבטע, — — — — — א. שיינוק, — — — — — — — — — 541

* * * — — — — — — — — — — — — מ. טייטש, — — — — — — — — — — 941

דיא בלום, — — — — — — — — — — — ש. שטערמאן, — — — — — — — — — 543

* * * — — — — — — — — — — — — מאני לייב, — — — — — — — — — — 543

מיין ליעד, — — — — — — — — — — — א. שיינוק, — — — — — — — — — 563

* * * — — — — — — — — — — — — י. סלאָנים, — — — — — — — — — — 563

א טויטעס לעבען, — — — — — — — — — יהואש, — — — — — — — — — — — 602

וואנדערלוסט, — — — — — — — — — י. סלאָנים, — — — — — — — — — — 609
איהר סוד, — — — — — — — — — — ה. רויזענבלאט, — — — — — — — — — 614
אויפ'ן וועג, — — — — — — — — — דר. א. ש. שווארץ, — — — — — — — — 614
אין אלקערעל, — — — — — — — — ה. רויזענבלאט, — — — — — — — — — 652
אויפ'ן נעמאן, — — — — — — — — י. י. שווארץ, — — — — — — — — — 666
הערבסט בלעטער, — — — — — — — — י. סלאָנים, — — — — — — — — — 677
וויסטו ? — — — — — — — — — — י. סלאָנים, — — — — — — — — — 702
אויגען, — — — — — — — — — — דר. א. ש. שווארץ, — — — — — — — — 732
ביומעלאך, — — — — — — — — — י. סלאָנים, — — — — — — — — — 737
פון פיסה, פעטער יאקובאָוויטש (איבערזעצט) י. י. שווארץ, — — — — — — — — 597
דיא מוטער, " " " " — — — — — — — — — 597
פון קאטאָרגע, " " " " — — — — — — — — — 619

נייע ביכער, (רעצענזיאָנען).

א גרינגער תענית אין האדעל, (שלום עליכם) ה. אלעקסאנדראָוו, — — — — — — 58
ליעדער, (י. י. פראפוס) — — — — — — — ד. פ. — — — — — — — — 59
דער וועג צום אייביגען גליק (לאסאר איבינס) יאם, — — — — — — — — — 61
שבתי צבי, (פ. קראנץ) — — — — — — — בן יקיר, — — — — — — — — 62
גענעראל־סטרייק, (ראָלאנד האלסט) — — עדוו. בערנשטיין, — — — — — — — 62
א סטרייק פון קבצנים און א פינסטערע חתונה, (מ. ספעקטאָר) י. ענטין, — — — 127
אויסגאבען „צייט־ביבליאָטהעק“, (דריי ביכלאך) בן־הלל, — — — — — — — 130
קאָמונאלע ארבייטער פּאָליטיק, (הוגאָ לינדעמאן) אד. בראון, — — — — — — 132
קראפּאָטקינ'ס לעבענס בעשרייבונג, (מ. קאָהן) בן־הלל, — — — — — — — 197
וויא אזוי רעוואָלוציאָנען ווערען געמאכט, (פ. אנמאן) י. מילך, — — — — — 246
דיא בעלאגערונג פון טולטשין, (נ. מינסקי, איבערזעצט א. רייזען) און
דיא אידישע טאָרבע, (ישעיהו לערנער) — ה. אלעקסאנדראָוו, — — — — — — 325
א רוסישער שוילאָק, (מ. זאמעטקין) — — י. ענטין, — — — — — — — — 508
דיא צייט פון פערשטאנד, (מאָנאט־שריפט) — ק. פ. — — — — — — — — 509
דיא פּאריזער קאָמונע, (ניעמאנסקי) — — בן הלל, — — — — — — — — 511

פערשיעדענעס.

א רבילות דורך א לעגענדע, — — — — — דר. ק. פאָרנבערג, — — — — — — 259
דער אָדלער, — — — — — — — — — יאָהאנעס שלאף, — — — — — — — — 35
א געשפּרעך, — — — — — — — — — בעליאל, — — — — — — — — — 85
דער שוועל, — — — — — — — — — איוואן טורגעניעוו, — — — — — — — 210
סאָניע, — — — — — — — — — — י. מרגלית, — — — — — — — — — 286
פון העסטער סטריט, — — — — — — — י. מרגלית, — — — — — — — — — 293
קורצע געדאנקען, — — — — — — — אל. דיומא זאָהן, — — — — — — — — 300
אזיאטישע חכמות, — — — — — — — * * * — — — — — — — — — 312

אפּאָריזמען.

פון בערנארד שאָו, — — — — — — — 393
פון ** — — — — — — — — — 468
פון ניקאָלאס טשעמפּפארט, — — — — 478
פון אָטטאָ ווייס, — — — — — — — — 99
פון יודזשין וו. דעבס, — — — — — — — 138

בילדער.

יודזשין וו. דעבס, — — — — — — — 10
אוגוסט קאָמט, — — — — — — — — 66
הענריך איבסען, — — — — — — 132, 406
עמיל וואנדערוועלדע, — — — — — — 133
קארל מארקס, — — — — — — — — 145
פּאָול לאפארג, — — — — — — — — 199
שלום יעקב אבראמאָוויטש, — — — — — 239
מאָיער, — — — — — — — — — — 256
וויליאם הייוואוד, — — — — — — — 256
צום סאָציאליזמוס, — — — — — — — 262
ה. וו. לאָנגפעללאָו, — — — — — — — 282
מאקסים גאָרקי, — — — — — — — — 327
ניקאָלאי טשאיקאָווסקי, — — — — — — 367
אדאם סמיטה, — — — — — — — — —375
פּראָפעסאָר מוראָמצעוו, — — — — — — 397
מאָררים ווינטשעווסקי, — — — — — — 451
אָפּטאן סינקלייר, — — — — — — — 459
פיליפּ קראנץ, — — — — — — — — 467
ראָמבראנדט, — — — — — — — — — 475
דוד פּינסקי, — — — — — — — — — 489
ט. ר. מאלטוס, — — — — — — — — 557
א סאָציאליסטישע דעמאנסטראציאָן אין
קראקוי, — — — — — — — — — 572
מ. בעער, — — — — — — — — — — 573
אוגוסט בעבעל, — — — — — — — — 574
עדוארד בערנשטיין, — — — — — — — 575
שלום אש, — — — — — — — — — — 616
מאָררים הילקוויט, — — — — — — — 634
אלעקסאנדער יאָנאס — — — — — — — 634
דער דיינקער — — — — — — — — — 635
א. ש. זאקס — — — — — — — — — 636
עמיל העקער — — — — — — — — — 647
איגנאץ דאשינסקי — — — — — — — — 647
פראנציסק טשאקי — — — — — — — — 647
זיגמונד מארעק — — — — — — — — — 647
זיגמונד קאטשענאָווסקי — — — — — — 647
דער 1טער קאָנגרעס דעס אידישען סאָ־
ציאל דעמאָקראטישען פּארטיי גאליציענס 648
דוד ריקארדאָ — — — — — — — — — 688
ענריקא פעררי — — — — — — — — — 699

די צוקונפט

No. 1 (Whole No. 101) JANUARY 1906 New S ries No.49 Vol. XI

דער סאָציאַליסטישער אידעאַל

פון זשאַן זשאָרעס.

פארהאן גרויסע מענשען, וואָס האָבען מאָדנע שוואכקייטען. זיי פערטייטשען אויף א וואונדערבארען אופן דיא עראייגניסע פון דער פערגאנגענהייט און דיא בעוועגונג פון דער געשיכטע, און זיי פערשטעהען ניט דיא גרויסע סאָציאלע ערשיינונגען פון דער געגענווארט, וועלכע שפּיעלען זיך אָפּ פאר זייערע אויגען. אָט אזוי רעדט צ. ב. רענאַן,—וועלכער האָט גרינדליך אויסגעפאָרשט דעם אורשפּרונג פון קריסטליכען גלויבען,—וועגען סאָציאליזמוס פּונקט אזוי, וויא א פארצייטיגער איד א לערנער האָט געקוקט אויף'ן נאָר וואָס געבוירענעם קריסטענטהום. אין זיין בוך „יעזוס'עס לעבען" שרייבט ער—„היינט צו טאָג זאָגאר האָבען דיא טרוימען וועגען א אידעאלער אָרגאניזאציאָן פון דער געזעלשאפט, פיעל עהנליכקייט מיט דיא שטרעבונגען פון דיא פארצטיגע קריכטליכע סעקטען, אין א געוויסען זינן—זיינען זיי דיא ענטוויקלונג פון דער זעלבער קריסטליכער אידעע, וועגען דיא 'מלוכה פון גאָט". אלע סאָיצאלע רעוואָלוציאָנען פון דער מענשהייט וועלען זיין צונויפגעוואקסען מיט דעם דאָזיגען וואָרט. נאָר אזוי וויא דיא סאָציאליסטישע שטרעבונגען פון אונזער צייט זיינען פערפלעקט מיט א גראָבען מאטעריאליזמוס, ווייל זיי זוכען דאָס וואָס איז אונמעגליך צו דערגרייכען, דאָס הייסט, צו גרינדען דאָס אלגעמיינע וועלט־גליק אויף דיא פּאָליטישע און עקאָנאָמישע צושטענדע, דערפאר וועלען זיי בלייבען אונפרוכטבאר ביז וואנען זיי וועלען ניט אָננעהמען יעזוס'עס אמת'ן גייסט, איך מיין דעם אבסאָלוטען אידעאליזמוס, דיזען פּרינציפּ, וועלכער זאָגט, אז כדי צו האָבען דיא ערד מוז מען זיך פון איהר אָבזאָגען."

וואָס פאר א שייכות עס איז פאראן צווישען קריסטענטהום און דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאל־דעמאָקראטיע, דאָס קען איך ניט אין דעם ארטיקעל אונטערזוכען. רענאן האָט אויף א משונה'דיגען אופן מגזם געווען מיט זיינע גזרות־שוות, מיט זיינע פערגלייכענישען, און ועל כולם איז דיא פערבינדונג, וועלכע ער שטעלט זיך פאָר, גרעסטענטיילס א פאלשע.

אָבער אויך דער אורטהייל, וואָס ער גיט ארויס איבער דעם סאָציאליזמוס גופא, איז גאנץ אויבערפלעכליך. דער העכסטער און אין דערזעלבער צייט אויך דער טיעפסטער אידעאליזמוס איז דער סאָציאליסטישער אידעאַליזמוס, מחמת ער וויל איינפיהרען גערעכטיגקייט אין דער געוואָהנהייט און אין דיא סאמע אינטימסטע זייטען פון לעבען. דאָס גאנצע מענשליכע לעבען איז בעגרינדעט אויף דער ארבייט. אָרגאניזירען דיא גערעכטיגקייט אין דער ארבייט, הייסט אלזאָ איהר אריינבריינגען אין דיא טיעפסטע טיעפענישען פון לעבען. אָבלייגען דאָס רעכט אויף א ווייטע אָדער אבסטראקטע וועלט, הייסט אויפאָפּפערען דעם אידעאל. נעהמען דיא נאטור אזוי וויא

זיא ענטוויקעלט זיך אין דיא מענשליכע געזעלשאפטען און איהר אויכארבייטען לויט א העכערען געזעץ פון ברידערליכער גלייכהייט, — דאס איז דער שענסטער, מוטהיגסטער אידעאל, וואס דיא מענשען האבען ווען עס איז געוואגט צו האבען.

ס'איז ניט אמת, אז דער סאציאליזמוס נעהמט זיך אן צו בריינגען דיא מענשען א פיקס און פארטיגעס גליק, דורך א פאליטישע און סאציאלע אומענדערונג. דאס גליק וועט אבהייגען פון יעדען איינצעלנעם מענשען בעזונדער; גליקליך וועלען זיין יענע, וועלכע וועלען וויסען וויא אזוי אויסצובריינגען און איינצוהאלטען זייערע כחות און זייערע פעהיגקייטען פאר העכערע תענוגים. אבער א חוב פון דער מענשהייט איז צו שאפען פאר אלע מענשען דיא סאציאלע בעדינגונגען פון גליק. נו, וויסען מיר, אז אלע מענשליכע כחות קענען זיך ענטוויקלען הארמאניש נור אין א וועלט, וואו יעטווערע פריווילעגיע פון ברוטאלער מאכט אדער פון אייגענטהום, וואס איז קאנצענטרירט אין עטליכע הענד, איז פערשוואונדען. דיא פריווילעגיע אונטערדריקט דיא, וואס זיינען אויסגעשלאסען פון איהר, און מוזען אויסנוצען זייערע כחות צו גונסטען פון אנדערע מענשען. דיא פריוועליגע איז אויך א דריקענדע לאסט אפילו אויף דיא, וועלכע האבען זיא: זיא האלט זיי אפ פון דיא נויטיגע אנשטריינגונגען, וועלכע וואלטען ענטוויקעלט זייערע פעהיגקייטען. זיא פערשאפט זיי גאנצע בערג מיט דאגות, מיט פעראנטווארטליכקייטען, מיט אומזיסטע, פוסטע אבער שווערע זארגען, וועלכע זיינען ניט פאר'ן מענשען'ס קרעפטען אריבערצוטראגען און וועלכע נעהמען ביי איהם צו יעדע אנגענעהמע און פרעהליכע פערבינדונג מיט דער וועלט און מיט'ן לעבען.

דער סאציאליזמוס וועט שאפען אזא זארט ארדנונג, וואו דאס אייגענטהום וועט זיין אלעמענס, וואו דיא קראפט וועט קומען פון אלעמען און דיא פעראנטווארטליכקייט וועט ליעגען אויף אלעמען. און דערפאר וועט דיא נייע ארדנונג אונטער'ן סאציאליזמוס זיין אן ערלייכטערונג פאר אלעמען. דיא יעניגע, וועלכע זיינען ביז דאן געוועזען פערשקלאפט און עקספלואטירט, וועלען פטור ווערען פון דער דריקענדער נויטה, פון שווערער ארבייט איבער דיא כחות, פון אונוויסענהייט און פון א פיינדליכער, אהנמעכטיגער גיערינגקייט. דיא אנדערע וויעדער, וועלכע זיינען ביז דאן געוועזען דיא בעלי בתים און דיא עקספלואטאטארס, וועלען בעפרייט ווערען פון א שווערען דרייפאכען יאך: פון זייער אונרוהיגען עגאאיזמוס, פון זייער שטאלץ און פון זייער אויסשליסליכער פעראנטווארטליכקייט. דיא וועלט, וועלכע איז איצט אזוי שווער און דריקענד, וועט אויפאטהעמען פריי. דאס וועט זיין אן ערלייכטערונג און א פרייד; וויפיעל איידעלע כחות וועלען זיך דאן ענטוויקלען אין דיא מוחות און אין געוויסען! און דיא מענשען וועלען מעהר ניט פאלען אונטער דער שווערער משא פון זייער אייגענעם הארצען. דאן ערשט וועט קומען דיא שעהנע, גליקליכע צייט: דורך די פערגרעסערטע, ברייט־געווארענע פענסטער פון דיא איבערגעבויטע ארעמע הייזער, דורך דיא ברייטע, אפענע פענסטער פון דיא רייכע פאלאצען, פון וואנעט עס איז אראב יעדער סימן פון הערשאפט; דורך די ברייטע, גרויסע טויערן פון דיא פאבריקען, וואו דיא ארבייט ווערט געטהאן אויף א ברידערליכען, פרייען אופן, — דורך אלע טהירען און פענסטער, דורך דיא הערצער און דיא אויגען וועט דאן אריינשיינען יענע זיסע ליכט פון אידעאליזמוס, וואס שפיעגעלט זיך אב, לויט רענאן'ס מיינונג, אין אונזערע אידעען.

אבער וויא אזוי קען דער אידעאל פון א גערעכטען, גרינגען און פרעהליכען לעבען זיך פערווירקליכען, ווען ער זאל ניט נעהמען אויף אויף זיך איינצוארדנען דיא פאליטישע און עקאנאמישע פערהעלטניסען צווישען דיא מענשען, מיט וועלכע דער סאמע אינעווייניגסטער לעבען פון געוויסען און זאגאר פון גייסט איז פערבונדען? אט אין דעם ליגט דער טיעפער זינן פון סאציאליזמוס, אט דאס מאכט פון דעם סאציאליסטישען אידעאליזמוס א וואהרהייט.

רענאן, ווייזט אויס, האט מורא, אז דיא מענשהייט זאל ניט אננעהמען דיא סאציאלע רעוואלוציאן, אלס א מיטעל צופריעדענצושטעלען דיא גראבע, בעלעסטיגענדע תאוות פון עטליכע מענשען, און אז זיא זאל ניט זיין א צוגאב צו דיא מורא'דיגע פלאנטערס, צו דיא שרעקליכע לאסטען, אונטער וועלכע זיא, דיא מענשהייט, איז שוין סיי וויא סיי גענוג אונטעריאכט צו דיא מורא'דיגע לאסטען פון גרויסקייט, פון פוסטען שטאלץ, פון לוקסוס, וועלכע פערביטערען און מאכען א תל פון די נאבעלע מינוטען פון דעם מענשליכען לעבען. יא, עס פער־

שטעהט זיך, ווען דיא ציוויליזאציאָן וואָלט
שטענדיג געדארפט געהן אזוי וויא איצט, סאָ־
פּענדיג און זיך יאָגענדיג; ווען זיא וואָלט אנ־
דערש ניט געקענט וויא נור פערשלינגען אלצ־
דינג, מיט דעם אויסרייד, אז דאָס איז נויטיג
צו דער ענטוויקלונג און אויפהאלטונג פון דעם
לעבען; ווען דיא ערפינדונגען פון דער וויסענ־
שאפט וואָלטען ניט געהאט קיין אנדער רעזול־
טאט וויא נור איינשרומפּפען אָדער אויסצוצי־
הען אונזערע טעג; ווען דיא זיעגען איבער דער
נאטור וואָלטען פון דעם מענשען קיינמאָל קיין
אנדער זאך ניט געקענט מאכען וויא נור א
ווילדען עראָבערער, וועלכער פאלט אונטער דער
שווערער משא פון זיין רויב, — דאן וואָלטען
מיר מיט הארצוועהטאָג אריבערגעטראָגען אָט
די שווערע, בעלעסטיגענדע טעג, זוכענדיג בלויז
צו קריגען פאר אונז כאָטש ווי פיעל עס איז פון
אינערליכען לעבען און פון פרייד.

אָבער דער אמת'ער מיטעל, דער איינציגער
מיטעל איינצואָרדנען דיא ציוויליזאציאָן איז,
איהר, אזוי צו זאָגען, פארוועלטליכען, איהר
אויסברייטען איבער דער גאנצער מענשהייט.
דער אמת'ער מיטעל, דער איינציגער מיטעל
איינצוהאלטען א ביסעל דעם ווילדען, פערצעה־
רענדען יאגד נאָך אויסערליכען גליק און אומ־
קעהרען א ביסעל דעם מענשען צו זיך אליין, איז
צו מאכען פון דעם אייגענטהום ניט קיין הער־
שאפט, נאָר א גאראנטיע; צו מאכען פון דער
ארבייט ניט קיין קאמפף, נאָר א קאָאָפּערא־
ציע, א שותפות. דיא אָרימקייט איז א שקלא־
פעריי, און דיא אונבעשריינקטע רייכקייט איז
אויך א שקלאפעריי. דיא מענשהייט וועט
אלזאָ אין ערגעץ ניט געפינען קיין פרייהייט
נור אין דער סאָציאליסטישער אָרדנונג, וואו עס
וועט ניט זיין קיין פּלאַץ פאר דיא עקסטרעמע
הפכים.

וויא אזוי קען מען היינט צו טאָג פער־
לאנגען פון דיא מענשען, זיי זאָלען זיין געמע־
סיגט? וויא אזוי קען מען זיי פאָרלייגען א
פּלאן פון לעבען, וואָס זאָל זיי מאכען פאר בעלי
בתים איבער זיך אליין און איבער דיא אומ־
שטענדען? וואָס זאָל זיי פערשאפען דעם אמת'ן
לוקסוס און אין דערזעלבער צייט זיי אויסלייז־
זען פון דער קללה, וואָס דיא קאָנקורענץ און
דאָס שטרעבען צו גרויסקייט און פוסטע גאוה
ברייגגען דער וועלט? יא, צו וועמען קען מען
היינט קומען מיט דיא דאָזיגע עצות? צו דער
בורזשואזער, קאפּיטאליסטישער קלאסע?

אָבער דאָס היינטיגע סאָציאלע סיסטעם גופא
צווינגט יעדען איינעם צו לעבען פאר זיך אליין,
צו האנדלען פאר זיך אליין. דאָס איצטיגע גע־
זעץ פון יעדער מענשליכער קראפט בעשטעהט
אין דעם, זיך צו ענטוויקלען אויף אזא אופן,
אָקוראט וויא זיא וואָלט געוועז איינע אין דער
גאנצער סאָציאלער וועלט. דער מענש קען זיך
אראָבגליטשען אין אן אָבגרונד פון עלענד און
נויטה, פון וואנעט ער וועט שוין קיינמאָל ניט
ארויסקומען; ער קען זיך אויפהויבען אויף אזא
הויכער מדרגה פון רייכטהום און פון מאכט,
וואָס האָט גאָר קיין שיעור און קיין ערך ניט.
פאר וואָס זשע זאָל ער עפּעס בלייבען שטעהן
ביי דער שטופע און ניט ביי אן אנדערער?
ווער ווייסט, צו בלייבענדיג שטעהן אין מיטען,
וועט ער ניט צודריקט ווערן פון דיא, וועלכע
האָבען באוויזען ארויפדראפּען זיך אויף דיא
העכסטע טרעפּ פון סאָציאלען לייטער? ווער
ווייס אויך צו וועט ער ניט שווערער מאכען
דעם גאנצען סאָציאלען גאנג פון דעם כלל,
וועלכער ווערט היינט צו טאָג געפיהרט דורך
דיא דרייסטעסטע און שטארקסטע מענשען, דער־
מיט וואָס ער וועט בעשריינקען זיין אייגענעם
ווילען, זיין פערלאנג צו שטייגען אלץ העכער
און העכער? דער הויכער שטראָם, וואָס הויבט
זיך אויף אין ים, וואָלט אין גאנצען אָבגעפאלען,
ווען יעדע כוואליע אין ים וואָלט זיך ניט גע־
ריסען צו דער העכסטער שטופע? דער וואָס
שטרעבט ניט ארויף צום העכסטען, ריזיקירט
שטארק צו בלייבען צווישען דיא סאמע נידע־
ריגסטע; און דער וואָס גורט ניט אָן זיינע לענ־
דען ארויפצושטייגען אויפ'ן שפּיץ, וועט קיין
כח ניט האָבען צו דערגרייכען אפילו דעם מי־
טען לייטער. נאָך אלעמען, אויב דער קער־
פערליכער געווּס איז בעשריינקט, אויב ס'איז
פאראן א גרענעץ צו דיא פעהיגקייטען, צו דיא
כחות פון מענשען, איז אָבער ניטאָ קיין גרע־
נעץ צו זיין איינבילדונג, צו זיין שטרעבען;
אויב דער מענש קומט צו א מאָמענט פון מיעד־
קייט און זאטקייט, סטארעט ער זיך צו קריגען
נאָך מעהר פערמיגען, האָפּענדיג דערמיט צו
דערוועקען זיין אינטערעסע און צו רייצען זיין
לוסט צום לעבען. ווייל דאָס רייכטהום היינט
צו טאָג איז ניט נור, — און זאָגאר ניט הויפּט־
זעכליך — א מיטעל פון פערגניגען, זאָנדערן
איז אן עראָבערונג, א מיטעל ארויפצושטייגען
אויף דעם סאמע אויבען־אָן פון דער געזעל־
שאפט. עס איז א כח פון הערשאפט, וואָס ער־

לויבט דעם מענשען צו האלטען אין זיין בעזיץ מענשען און זאכען, צו בעלי־הבית'עווען איבער גאנצע מאסען און זיי אונטערצואוואַרפען אונטער זיינע פּלענער. פאַר וואָס זשע זאָל ער עס ניט טהאָן?

אין דער היינטיגער געזעלשאַפט ווערט אַלזאָ דער מענש צוזאַמענגעדריקט צווישען צוויי שווינדעלדיגע פּאָזיציעס, צווישען דיא נידעריגסטע און דיא העכסטע; צווישען דעם תהום פון אונענדליכען עלענד און דעם שפּיץ פון אונענדליכער מאכט. און דיא, וואָס שטייגען אַרויף, וויא דיא, וואָס פאַלען אַרונטער, וויא דיא, וואָס וואנקען און שאָקלען זיך, גיבען איבער דער גאנצער מענשהייט זייערע אויפרעגונגען, זייערע צוטרייסלונגען, זייער מורא'דיגע־ציטערן—ס'איז אַ אַנשטעקונג ענטוועדער פון שרעק אָדער פון זיעג, וואָס צוטומעלט דיא מוחות, צוטרייסעלט דאָס גאנצע לעבען, שטערט דעם רעגעלמעסיגען גאנג פון דיא געדאנקען און דיא ווינשע. דיא מענשהייט ווערט ניט קענען אָננעהמען אין לעבען קיין שום גלייכען, זיכערען וועג, קיין פּלאַן פון גלייכגעוויכט, פון הארמאָני, כיידען זי ווערט איינפיהרען אַ נייע אָרדנונג, אַ נייעם סיסטעם פון אייגענטהום, וואו דער גייסט פון קאָאָפּעראַציאָן און פון גלייכגעוויכט זאָל האָבען דיא אויבער־האנד און וואו דער מענש זאָל ניט וויסען ניט פון קיין מורא'דיגע נויטה און ניט פון דעם ווילדען יאגד נאָך אַן אונבעגרענצטער מאכט.

ביז דאן וועלען דיא פּריווילעגירטע קלאַסען, דיא וואָס שטרעבען הויפּטזעכליך אַרויפצודראַפּען זיך אויף דעם סאמע שפּיץ לייטער, בעטראַכטען דיא מאָראַל פון גערעכטיגקייט, פעסטקייט, גליק און הארמאָניע אלס אַ לעבערליכע עצה פון שוואכקייט און פון ענטזאַגונג; און דיא עקספּלואַטירטע קלאַסען וועלען מיינען, אַז דורך דעם מאכט מען חוזק פון זייער עלענד און נויטה, אָדער אַז דאָס איז אַ צבועצקע עצה פון ענטזאַגונג, וואָס ווערט געפּריידיגט פון שווינדלער פאַר דיא אינטערעסען פון דיא עקספּלואַטאָרס.

דער אידעאַליזמוס בעשטעהט ניט, וויא אַ רענאַן וויל האָבען, — אין דעם אָבצורייסען זיך פון דער ערד; און דיא סאָציאַליסטישע מענשהייט ווערט זיך בפירוש ניט בענוצען מיט דער דאָזיגער מאָדנער עצה, זיך אָבצוזאָגען פון דער ערד כדי צו האָבען דיא ערד. ניין, זיא זאָגט גאנץ קלאָהר און דייטליך, אַז זיא וויל בעזיצען דיא ערד און בעזיצען דיא נאַטור, אָבער טאַקי בעזיצען זיי אויף אַ'ן אמת'ן, ניט אָבער זיך צו געפינען אין זייער בעזיץ. און כדי די מענשהייט זאָל האָבען דיא נאַטור אין איהרע הענד, מוז מען אפריהער זעהען, אַז איין טהייל פון דער מענשהייט זאָל ניט קענען צווינגען דיא איבעריגע מענשען, אַז דיא מענשען זאָלען ניט ווערען בעהערשט און עקספּלואַטירט פון מענשען אַזוי וויא פון דער נאַטור.

צווייטענס, מוז מען אויך זעהען, אַז דיא דאָזיגע מענשהייט, וועלכע האָט זיך איבערגעבעטען מיט זיך אליין דורך דער גערעכטיגקייט און וועלכע וואַקסט פון טאָג צו טאָג אין גרויסקייט דורך דער וויסענשאַפט, זאָל ניט אויפאָפּפערען אויף דעם מזבח פון הערשאַפט און בעזיץ דיא פרייד און דיא איינפאַכע הערליכקייט פון לעבען. און אָט דיא הארמאָנישע, ברידערליכע און איינגעאָרדנעטע טהעטיגקייט, אָט דעם ערנסטען, מיושב'דיגען זיעג פון מענשען איבער דער נאַטור, אָהן אַ שום אויפאָפּפערונג פון מענשען גופא, — דאָס קען בלויז דער סאָציאַליזמוס אליין פערזיכערען. און טאַקי מחמת דעם איז ער דער איינציגער פּרוכטבאַרער אידעאַל.

יאָ, עס פערשטעהט זיך, זאָגאַר אין דעם דאָזיגען ניי־איינגעאָרדנעטען, ברייטען לעבען וועלען דיא מענשען ניט האָבען אין גאנצען דיא ווייכע, צאַרטע זעעלען־רוהיגקייט.

דאָס שטרעבען, דיא אָנשטרענגונג ווערט בלייבען אַ געזעץ; און דער מענשליכער ווילען ווערט האָבען צו קעמפּפען מיט שטערונגען, ווידערשפּריכע און וועהטאָגען. דער מענש, דער אַרבייטער פון דער גרויסער וועלט, איז ניט בעשאַפען געוואָרען צוא געניסען דיא פייגע רוהע פון דיא קעניגליכע פּאַלאצען. ער קען ניט ערוואַרטען כסדר אַ ים פון זיסע מחשבות אין אַ שעהנעם הערליכען חלום. זיין לעבען ווערט קיינמאָל ניט זיין אַזוי וויא אַ סטעפּע, וואָס איז בעגאָסען מיט דעם זילבער־ליכט פון דער לבנה. אָבער זיין גרויסקייט, זיין ווערטה בעשטעהט אין דעם, וואָס שוין אפילו איצט, אין זיין שווערער אַרבייט, אין דיא ביטערע קעמפּפע פון אַ פערפּלאָנטערטען סאָציאַלען לעבען, — אפילו איצט געפינט ער אַ וועג, וויא אַזוי צו פערזיסען אַ ביסעל זיין ביטערע עקזיסטענץ. דאָס טהוט ער דורך דעם אינטערעס, וועלכען ער נעהמט אין דער וויסענשאַפט, אין דער קונסט און אין דער שעהנקייט פון אידעען און

פון לעבען. און זיין גרויסקייט וועט בעשטעהן אין דעם, וואָס ער וועט אין דער מאָדערנער וועלט אויך וויסען ווי ארומצוגעהן מיט דער טיעפער מרה־שחורה, מיט דיא טרויעריגע זייטען פון דעם לעבען. זאָל נור דער געוויסען פון דיא פּריווילעגירטע צייטענווייז צוטרייכעלט ווערען פון א צופאַל און זאָל דער גייסט פון דיא פּראָלעטאריער, וואָס ווערען געפיהרט און פערפיהרט אין דער פינסטערניש, נור שטרעבען ווייטער צו קלאָהרהייט, צו ליכטיגקייט. אָט אין דעם ליעגט דיא גרויסקייט פון דער איצטיגער צייט; דאָס איז דאָס העהליכע פערשפּרעכען פון דער צוקונפט, ווען דיא גאנצע מענשהייט וועט זיך ענטוויקלען ווייט און ברייט, אונטער א האַרמאָנישען סאָציאַלען לעבען. דאָס איז דער צייכען, אז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל וועט ניט דורכפאַלען.

וואָס איז אַזוינס פּאָליטישע עקאָנאָמיע?

יעדע לעבעדיגע בעשעפענים האט א שטארקען חשק צו לעבען אליין און נאך צו לאזען נאך זיך קינדער, וועלכע פערמעהרען און פערשטארקען דעם מין, צו וועלכען זיי, די בעשעפענים, געהערט. לעבען און פערמעהרען זיך קען מען נור דענסטמאל ווען די לעבענס־בעדערפנישען זיינען בעפריעדיגט. דאס הייסט, ווען די בעשעפענים בעקומט איהר נייטיגע נאהרונג, אהן וועלכע זי קען ניט עקזיסטירען. די יסודות, פון וועלכע די נאהרונג בעשטעהט, געפינען זיך איז דער ארומיגער פרייער נאטור. די בעשעפענים קען אבער ניט קומען אויף אלעם פארטיגען און נעהמען ביי דער נאטור אליין, וואס איהר איז נייטיג צום לעבען; די נאטור איז ניט קיין בארמהערציגע מוטער, וואס טראגט אונטער איהרע קינדער פארטיגע עסען און טרינקען. כדי צו בעקומען די נייטיגע נאהרונגס־מיטלען מוז מען א ר ב י י ט ע ן, הארעווען, פערווענדען פון זיך כח, וועלכע געפינט זיך אין א געוויסען ערך ביי יעדער בעשעפענים. די כח, וועלכע יעדע בעשעפענים גיט אויס אין קאמפף מיט דער אויסערליכער נאטור ביז זי בעקומט איהר נייטיגע נאהרונג ווערט אנגערופען ד ע ר ק א מ פ ף פ א ר ' ן ע ק ז י ס ט ע נ ץ.

דער קאמפף פאר'ן עקזיסטענץ איז ביים מענשען א סך שווערער און ווערט געפיהרט אויף אנאנדער אופן, ווי ביי אלע אנדערע בעשעפעניכען. ער איז שווערער ביים מענשען ניט נור דערפאר, ווייל דער מענש איז בטבע שוואכער און וועניגער בעשיצט, ווי די אלע איבריגע בעשעפעניסען (דער מענש האט ניט קיין שארפע נעגעל, קיין שארפע ציין און נאך אזעלכע נאטירליכע כלי־זיין), נור אויך דערפאר, ווייל דער מענש קען זיך ניט בענוגענען מיט איינפאכע נאהרונג: דער מענש האט גרעסערע בעדירפניסע. כדי דער מענש זאל קענען עקזיסטירען מוז ער האבען ניט נור שפייז צום עסען, וואסער צום טרינקען, ער מוז אויך האבען א דירה, וואו צו וואהנען, קליידער, וואס זאלען איהם בעשיצען פון קעלט און וואס זאלען צודעקען פערשידענע טהיילען פון זיין קערפער.

איז דער טבע פון מענשען ליעגט זיין שטרעבען ניט נור צו לעבען, נ ו ר א ו י ך ב ע ס ע ר א ו ן ש ע נ ע ר צ ו ל ע ב ע ן. אין דעם קאמפף מיט דער נאטור פאר זיין עקזיסטענץ ענטוויקלען זיך אלץ מעהר און מעהר די בעדערפנישען, עס קומען אויף און ענטוויקלען זיך גייסטיגע בעדערפנישען, וואס פאָדערען בעפריעדיגונג צוגלייך מיט די קערפערליכע בעדערפנישען אין נאהרונג, קליידער, א. ז. וו. עס איז גענוג צו פערגלייכען די קליינע מאס ריין קערפערליכע בעדערפנישען פון די ערשטע ווילדע מענשען מיט דער גרויסער מאס בעדערפנישען פון א געוועהנליכען אייראפעער אום צו וויסען, וואס פאר א ראלע עס שפיעלט אין לעבען פון מענשען די ענטוויקלונג. די בעדערפנישען פון איין אייראפעער איז פיעל מאל מעהר, איידער די בעדערפנישען פון א ווילדען. דער ווילדער דאגה'ט נור ווי ס'איז אנצושטאפען דעם מאגען און אבי ווי צוצודעקען דעם קערפער, אונזער

היינטיגער מענש שטרעבט שוין אויסערדעם צו בילדען זיך און זיינע קינדער, זיך צו פערשאפען פערגניגען: צו בעזוכען טהעאטער, הערען מוזיק, צו געניסען פון פאעזיע א. ז. וו. כדי זיך צו קענען פערשאפען די מיטלען, וואס בעפריעדיגען די בעדערפנישען, פעראייניגען זיך די מענשען און א קיבוץ און פיהרען מיט שותפות'דיגע כחות דעם קאמפף פאר די עקזיסטענץ. אליין, ביחידות, איז דער מענש צו שוואך און אונבעהאלפען צו פיהרען א קאמפף מיט דער ארומיגער נאטור. דער גרעסטער טהייל פון די חיות איז שטארקער פאר יעדען איינציגען מענשען. א סך צוזאמען, פעראייניגט אין א געזעלשאפט פון א סך מענשען, בילדען זיי א גרויסע, שטארקע מאכט, פאר וועלכע עס בייגט זיך די אויסערליכע בייזע נאטור.

כל זמן די מענשהייט פיהרט דעם קאמפף פאר די עקזיסטענץ מיט הוילע הענד, אהן געצייג און כלי־זין, איז די ארבייט פון מענשען זעהר אונפרודוקטיבאר. זי קען נור אויפטאן גאנץ ווייניג, קען נור שאפען א קליינע צאהל מיטלען, אזא צאהל, וואס קען קוים בעפריעדיגען די גאר נויטווענדיגסטע פיזיאלאגישע בעדערפנישען, אהן וועלכע דער מענש קען ניט לעבען: שפייז, א דירה, קליידער, א. ז. וו. ווען די מענשהייט ענטוויקעלט זיך, פאנגט זי אלץ מעהר אן צו בענוצען פערשיעדענע געצייג אין דעם קאמפף פאר'ן עקזיסטענץ. מיט געצייג איז די ארבייט א סך פרודוקטיבערער און פארטשריטליכער. וואס בעסער און ענטוויקעלטער די געצייג זיינען, אלץ ווייניגער צייט פערנעהמט אויסצואורבייטען אזוי פיעל מיטלען, ווי פיעל עס איז נויטיג פאר די קערפערליכע לעבענס־בעדערפנישען און אלץ מעהר צייט בלייבט נאך פאר די איבריגע פראדוקטען — פאר די פראדוקטען, וועלכע ווערען פערברויכט שוין ניט נור פאר די קערפערליכע, נאר אויך פאר די העכערע, גייסטיגע בעדערפנישען.

ווען דער מענש בעפרידיגט די נויטיגסטע בעדירפנישען — זאגט א גרויסער געלעהרטער — פאנגט דער מענש אן צו דאגה'ן, ווי צו בעפרידיגען די נוטציגע בעדירפנישען. אויב די לעצטע זיינען שוין אויך בעפרידיגט, פאנגט דער מענש אן צו זארגען, ווי צו בעפרידיגען יענע בעדירפנישען, „וועלכע זיינען ניט נוטציג נור אנגענעהם".

דאס וואקסען פון די בעדירפנישען האט א גרויסע בעדייטונג אין מענשענס לעבען. עס פערגרעסערט און ענטוויקעלט מעהר די אופנים, אויף וועלכע עס ווערט געפיהרט דער קאמפף פאר דער עקסיסטענץ.

דאס שטרעבען צו פערשיעדענע פערבעסערונגען אין לעבען — זאגט דער בעריהמטער גראסס — „שפילט איז דער ענטוויקלונג אז אונגעהייער גרויסע ראליע. עס איז א מעכטיגע קראפט, וואס בעשאפט א שטארקע בעוועגונג. יעדע ערווארבענע פערבעסערונג ווערט מיט דער צייט א געוואנהייט, שפעטער ווערט דער גוף אזוי צוגעוואהנט דערצו, דאס זי ווערט א טבע, אהן וועלכער דער מענש קען זיך שוין ניט בעגעהן." ווען די מאס פון בעדירפנישען וואקסט, ווערט שטארקער און גרעסער דער קאמפף פאר די עקסיסטענץ. די ענטוויקלונג פון דעם קאמפף פאר די עקסיסטענץ בעשטעהט, ערשטענס, אין דעם, וואס עס ווערען אויסגעבעסערט די געצייג און די כלי־זין, מיט וועלכע דער קאמפף ווערט געפיהרט. די ערשטע ווילדע מענשען האבען געפיהרט דעם קאמפף מיט איינפאכע געצייג און פלעגען זיך פעראייניגען אין קליינע געזעלשאפטען; וואס ווייטער אבער ווערט די צאהל מענשען, וואס געפינען זיך אין איין געזעלשאפט, אלס גרעסער און די אינסטרומענטען און געצייג, מיט וועלכע מען פיהרט דעם קאמפף פאר די עקזיסטענץ, אלס מעהר ענטוויקעלט. די געזעלשאפט פון די ערשטע מענשען איז בעשטאנען סך הכל פון איניגע צעהנדליגע מענשען. די געצייג און כלי־זין זיינען בעשטאהנען פון א שפיציגען שטעקען און איין אבגעשארפטען שטיין. היינט אבער צעהלט יעדע געזעלשאפט אין זיך די הונדערטע טויזענדע מענשען און פון די אמאליגע שטעקענס מיט שטיינער האבען זיך ענטוויקעלט די מעכטיגע דאמפף און עלעקטרישע מאשינען, וועלכע גיבען ארויס ארבייט אין מיליאנען מאהל מעהר, ווי פריהער.

דאס רוב אינסטרומענטען און כלי־זין געפינען זיך אין דער נאטור ניט אין דער פארמע, ווי מיר בענוצען זיך מיט זיי. דער מענש פארליערט פריהער א סך כח, איידער ער בעקומט די פערשידענע נוטציגע געצייג און דעריבער קען מען די געצייג אויך בעטראכטען אלס א פועל יוצא, אלס א רעזולטאט פון דער געזעלשאפטליכער ארבייט. די געזעלשאפטליכע נוצליכע ארבייט, דאס הייסט די ארבייט פון א גאנצע געזעלשאפט, איז די איינציגע כלי־זין, וועלכע דער־

מענש בענוצט כדי צו פיהרען דעם קאמפף פאר די עקסיסטענץ. די געזעלשאפטליכע ארבייט בעשאפט אינסטרומענטען, געצייג, ווירקט אויף דער בייזער נאטור, ענטדעקט די אוצרות, וועלכע לייגען בעהאלטין פון מענשען'ס אויג, און מאכט זיי פריי פאר'ן מענשען, ער זאל זיך קענען דערמיט בענוטצען.

די געזעלשאפטליכע ארבייט קען ברייינגען נוטצען אונטער צוויי בעדינגונגען: ערשטענס, מוז די געזעלשאפט פערשטעהן די סודות און די קרעפטען פון דער נאטור. זי מוז פערשטעהן, ווי מיט איהר מלחמה צוהאלטען; צווייטענס, מוזען זיין געוויסע כללים, לויט וועלכע די מיטגלידער פון דער געזעלשאפט ארגאניזירען זיך אליין אין דער מלחמה. די אלע מיטגלידער מוזען אבהיטען א געוויסען סדר, א געוויסע ארדנונג, וועלכע עס ווערט געפאדערט ביי יעדער צוזאמען־לעבען פון א סך מענשען. — אהן דיזע צוויי בעדינגונגען איז אונמעגליך צו פיהרען דעם קאמפף פאר די עקסיסטענץ. ווען די ערשטע מענשען, וועלכע האבען זיך בעשעפטיגט מיט יאגד, זיינען געגאנגען פאנגען א חיה, האבען זיי ערשטענס געמוזט וויסען דעם כאראקטער פון די חיה, איהר טבע, ווי צ. ב. וועלכער וועטער עס ווירקט אויף איהר גוט און וועלכער שלעכט, וואו און ווען איהר איז לייכטער צו טרעפען א.ז.וו. צווייטענ'ס האבען זיך די מענשען בעדארפט אבמאכען ווי יעדער זאל זיך נוהג זיין ביים פאנגען, וואס יעדערער זאל טהון, ווי ער זאל זיך בענוצען מיט די רויב א. ז. וו.

ביי היינטיגע ווירטהשאפטען איז דאס נאך מעהר בולט. דער דארף־פויער אום צו ערנעהרען זיך מיט זיין פאמיליע בעארבייט די ערד: ער זייעט, שניידט, דרעשט, וועטערט, פערקויפט די פארטיגע תבואות. — מיט איין ווארט — ער פיהרט א ווירטהשאפט. אום צו פיהרען גוט זיין ווירטהשאפט מוז דער פויער האבען געוויסע געווערקצייג, מאשינען: ער מוז האבען אן־אקער־אייזען, א באראנעווע. צום שניידען מוז ער האבען קאסעס. צום דרעשען און וועטערען — אנדערע ווערקצייג און מאשינען. דאס רוב מאל קען דער פויער אליין ניט אויספיהרען זיין ארבייט. ער דינגט צו אנדערע ארבייטער, וועלכע העלפען איהם פיהרען זיין ווירטהשאפט. הערבסט צייט פערקויפט דער פויער די אראב גענומענע תבואות פאר מזומן. די בעקומענע געלד בלייבען אבער ביי דעם פויער ניט אין גאנצען. א טהייל געלד צאהלט ער אב דעם פראצענטניק, וועלכער האט איהם געליהען געלד אין דער צייט, ווען די תבואה איז נאך ניט געווען פארטיג; פאר א טהייל געלד קויפט ער זיך אינסטרומענטען, א טהייל נעהמט צו פון איהם די רעגירונג אין דער פארמע פון פערשידענע אבצאהלונגען און נאלאגען (טעקסעס).

דער פויער קען נור דענסמאל מיט ערפאלג אקערן, זייען און שניידען, אויב ער פערשטעהט ווען און ווי צו זייען, וועלכע ערד עס איז גוט צו אקערען און וועלכע ניט, וואסערע וועטערן עס טויגען צום שניידען און וואסערע ניט — אזוינע ידיעות ערווערבט דער פויער דורך זיין בעקאנטשאפט מיט דער אויסערליכער נאטור — דאס איז די טעכנישע זייט פון דער ווירטהשאפט. אויסער דיזע טעכנישע ידיעות, מוז דער פויער, — אויב ער וויל זיין ווירטהשאפט זאל זיך גוט פיהרען, היטען די כללים פון חובות צאהלען, בעצאהלען אין דער צייט און אין דער מאס ארבייטס־לויז, היטען די געזעצען פון טעקסעס און איבעריגע אב צאהלונגען — דאס אלעס איז שוין דער אויסערליכער נאטור גאר ניט נוגע, דאס איז שוין געגרינדעט ניט אויף די ידיעות, וואס דער פויער האט ערווארבען, בעקענענדיג זיך מיט דער נאטור, נור אויף די ידיעות פון די בעציהונגען, וועלכע עקזיסטירען צווישען די מענשען אין דער געזעלשאפט, דאס איז שוין ניט די טעכנישע זייט פון דער ווירטהשאפט, נור די געזעלשאפטליכע זייט, ווייל די כללים זיינען נור בנוגע די מענשען, אבער ניט בנוגע דער נאטור.

די ווירטהשאפט וואס דער פויער פיהרט איצט, אזוי ווי די יאגד־בעשעפטיגונג פון א מאליגע צייטען — זיינען ניט אנדערש, ווי די פערשיעדענע אופנים, אויף וועלכע די מענשען פיהרען זייער קאמפף פאר די עקסיסטענץ, און דעריבער קען מען דעם אלגעמיינעם קאמפף פאר עקזיסטענץ, וועלכען די מענשהייט פיהרט, בעטראכטען פון צוויי זייטען: פון דער טעכנישער זייט און פון דער געזעלשאפטליכער זייט; פון דער זייט, וואו די מענשען, פיהרענדיג דעם קאמפף פאר די עקזיסטענץ, בעגעגענען זיך מיט דער אויסערליכער נאטור און פון דער זייט, וואו די מענשען בעגעגענען זיך איינער מיט'ן אנדער־

רען, ניט אבהענגיג פון דער אויסערליכער נאַטור.

פערשיעדענע ידיעות, וועלכע די מענשהייט קלייבט צוזאמען אין'ם פערלויף פון איהר ענטוויקלונג, בילדען די וויסענשאפט. די וויסענשאפט בכלל איז דער סך הכל פון די ידיעות, וואס דער מענש האט צונויף געקליבען אין קאמפף פאר זיין עקזיסטענץ. פיהרענדיג דעם קאמפף מיט דער נאטור, בעגעגענט זיך דער מענש מיט פערשידענע ערשיינונגען. ער בעקאנט זיך מיט זייער כאראקטער, מיט זייער טבע און לעהרנט זיך אויס ווי צו בענוצען מיט זיי — דער מענש ווערט א וויסענשאפטליכער. די וויסענשאפט שטרעבט צו ערקלעהרען די שייכות, אנדערע מאל, אויך די בעדייטונג פון פערשידענע ערשיינונגען, וואס קומען פאר אין דער נאטור און אין דער געזעלשאפט. די וויסענשאפט בעשטעהט פון פערשידענע צווייגען. יעדער צווייג פון דער וויסענשאפט האט זיך זיין געביט, זיינע בעשטימטע ידיעות און ערשיינונגען, מיט וועלכע ער אינטערעסירט זיך. די ערשיינונגען; וועלכע קומען פאר אין פלאנצען לעבען, ווערען אויסגעפארשט פון דעם צווייג פון דער וויסענשאפט, וואס רופט זיך באטאניק. די ערשיינונגען, וועלכע קומען פאר אין דעם טיער לעבען, ווערען אויסגעפארשט דורך זאאלאגיע א. ז. וו.

עס פערשטעהט זיך, אז די ערשיינונגען, וועלכע קומען פאר אין דער טעכנישער זייט פון'ם קאמפף פאר די עקסיסטענץ, ווערען אויסגעלערנט דורך אנאנדער צווייג פון דער וויסענשאפט, ווי יענע ערשיינונגען, וועלכע קומען פאר אין דער געזעלשאפטליכער זייט פון'ם קאמפף פאר די עקסיסטענץ. די ערשיינונג פון דער טעכנישער זייט ווערען אויסגעפארשט דורך די צווייגען פון דער נאטור וויסענשאסט (באטאניק, זאאלאגיע און ביאלאגיע) און דורך די טעכנישע וויסענשאפטען (כימיע, פהיזיק, מאטהעמאטיק, מעכאניק). די וויסענשאפט אבער, וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט די ערשיינונגען, וואס קומען פאר אין דער געזעלשאפטליכער זייט פון'ם קאמפף פאר די עקסיסטענץ, הייסט פאליטישע עקאנאמיע.

מיר וועלען דאס ערקלעהרען מיט א ביישפיל. ווען א פאבריקאנט עפענט א פאבריק, וואס איהר ציעל איז צו בעארבייטען רייהע מאטעריאל אין פארטיגע פראדוקטען, מוז ער האבען דאמפף אדער עלעקטרישע מאשינען, וועלכע זאלען איהם צושטעלען א געוויסע קראפט; אויסער דעם מוז ער האבען ארבייטער, וועלכע זאלען ארבייטען ביי די מאשינען, ער מוז אויך האבען סוחרים, וועלכע זאלען זיינע סחורות בעסער פארווענדען, ער מוז אויך האבען בילעטען און צאהלען אבצאהלונגען. די מאשינען קען מען גוט איינארדנען, ווען מען קען גוט די טעכנישע וויסענשאפטען: מאטהעמאטיק, באטאניק, פיזיק און כימיע; די רייהע מאטעריאלען קען מען גוט איינקויפען אויב מען קען גוט די נאטורוויסענשאפט: מינעראלאגיע, באטאניק און זאאלאגיע. די תנאים אבער, אויף וועלכע דער פאבריקאנט דינגט די ארבייטער, די סומעס געלד, וועלכע געהען אוועק אויף פערשידענע אבצאהלונגען, האבען שוין קיין שום שייכות ניט מיט די נאַטור- און טעכנישע וויסענשאפטען און ווערען דעריבער אויסגעפארשט דורך די פאליטישע עקאנאמיע.

ווען מיר בעטראכטען די געזעלשאפטליכע זייט פון דעם קאמפף פאר די עקזיסטענץ, זעהען מיר, אז זי בעשטעהט פון צוויי טהיילען: פון'ם שאפען מיטלען צום לעבען און פערנאנדערטיילען די מיטלען צווישען די מיטגליעדער אין דער געזעלשאפט און פון'ם געברויכען די פראדוקטען.

אין די פריהערדיגע צייטען, ווען די בעדערפנישען זיינען ניט געווען גרויס, ווען די ארבייט איז נאך ניט געווען צוטהיילט, ווען יעדער קיבוץ מענשען פלעגט אליין אויסארבייטען די נייטיגע לעבענסמיטלען, ווען די אופנים, אויף וועלכע מען האט געפיהרט דעם קאמפף פאר די עקזיסטענץ זיינען געווען זעהר איינפאכע, דענסטמאל איז די געזעלשאפט ניט בעשטאנען פון א גרויסע צאהל מענשען און דעריבער איז די שייכות, די בעציהונגען צווישען די מענשען, וועלכע האבען געארבייט און געלעבט צוזאמען, אויך געווען א זעהר איינפאכע; יעדער מיטגליעדער איז געווען מיט די בעציהונגען זעהר בעקאנט, די גאנצע געזעלשאפטליכע ארבייט איז כמעט בעשטאנען אין דעם צו שאפען און פערברויכען די לעבענסמיטלען. ווי פערנאנדערטהיילען די לעבענסמיטלען איז ניט געווען אזא וויכטיגער עניז, און עס איז ניט נויטיג געווען אז געלעהרטע זאלען זיך דערמיט בעשעפטיגען. דער

צוטהיילען איז געווען אזוי פראסט, אזוי איינ־פאך, דאס יעדער איינציגער פראסטער מענש האט געוואוסט, ווי עס ווערט צוטהיילט די מיטלען צום לעבען. היינט אבער האט זיך אלעס געענדערט: די בעדערפנישען האבען זיך זעהר ענטוויקעלט, די ארבייט איז געווארען אזוי צו־טהיילט, דאס יעדער ארבייט אוים נור א קליי־נעם טהייל (אדער גאר ניט) פון די לעבענס־מיטלען, וועלכע ער פערנוצט פאר זיך. דאס רוב לעבענסמיטלען בעקומט יעדער דורכ'ן טויש, דורך דעם, וואס ער טוישט אוים די פראדוקטען פון זיין אייגענער ארבייט אויף די פראדוקטען פון אנאנדערענס ארבייט; די אופנים פון'ם קאמפף פאר די עקזיסטענץ זיינען אזוי ענטווי־קעלט, דאס זיי פערבינדען ניט נור א קליינע צאהל מענשען, נאר זיי נעהמען ארום די גאנצע געזעלשאפט, וועלכע בעשטעהט פון מיליאנען מענשען. יעדער מענש איז היינט אבהענגיג פון אזוינע מענשען, וועלכע ער קען גאר ניט, און וועלכע ער האט אין זיין לעבען קיין מאל גאר ניט אנגעזעהען. יעדער מענש איז נור א קליי־נער טייל, א שרייפעל פון דער גרויסער געזעל־שאפטליכער מאשינע — און דערפאר זיינען די שייכות צווישען מענשען אזוי פערפלאנטערט, אזוי פערדרעהט, דאס זיי מוזען האבען א בעזונ־דערע וויסענשאפט, וועלכע זאל זיי אויסלערנען ווי די אלע בעציהונגען צו פערשטעהען, א וויסענ־שאפט, וועלכע זוכט די אורזאכען און די כללים, לויט וועלכע עס דרעהט זיך די גאנצע געזעל־שאפטליכע מאשינע. און מיט דיזע אויפגאבע פערנעהמט זיך די פאליטישע עקאנא־מיע.

ווי מיר וויסען, זיינען די בעציהונגען צווי־שען די מענשען ניט אייביג די זעלבע, זיי ענ־דערן זיך שטענדיג, זי ליגען, אזוי ווי אלעס אין דער נאטור, אונטער דעם געזעץ פון ענטוויקלונג. עס זיינען געווען צייטען, ווען מענשען האבען ניט געהאט קיין בעגריף פון אייגענטהום, די מענ־שען צווישען זיך זיינען געווען גלייך. שפעטער זעהען מיר, ווי איינער א'ן עלטסטער, א פאט־טריארך, הערשט איבער'ן גאנצען שבט. ווייטער זעהען מיר די שקלאפעריי, וואו א סך מענשען פון שבט זיינען פערשקלאפט צו איינעם, דעם שקלאפען־העררן, ניט נור מיט זייער ארבייט, נור אויך מיט זייער גוף און נשמה; איצטער לעבען מיר ווידער אין אזא געזעלשאפט, וואו די מיטגליעדער זיינען געזעצליך אפילו אלע גלייך, אבער עקאנאמיש געפינען זיך די גרויסע מאסען אונטער דעם יאך פון א קלענערע צאהל רייכע מענשען. צוליעב די געזעצען פון פריוואט - אייגענטהום האבען די ארביי־טער ניט די מעגליכקייט אליין אויסצונוצען זייער כוח און ארבייט פאר די איי־גענע בעדערפנישען, די ארבייטער זיינען גע־צוואונגען צו פערקויפען זייערע כוחות צו די יעניגע, וועלכע געניסען די פריווילעגיע פון פריוואט־אייגענטהום אויף די פראדוקציאנס־מיטעל (אינסטרומענטען, געצייג, לאנד, הייזער, א. ז. וו.).

מיר זעהען, אז אין יעדער בעזונדערער עפאכע זיינען די בעציהונגען, די שייכות צווי־שען מענשען גאנץ אנדערע. די בעציהונגען ענדערן זיך אין יעדר פאכע. עס פערשטעהט זיך, אז די פערענדערונגען קומען ניט פון עלער־הויט, מסתמא זיינען דא געוויסע אורזאכען, וואס רופען ארוים דיזע ענדערונגען. עס פרעגט זיך אלזא, דורך וועלכע אורזאכען ענדערן זיך די בעציהונגען צווישען מענשען? וואס איז די מעשה, וואס איין געזעלשאפטליכע פארמע ווערט פערביטען אויף די צווייטע? אויף דיזע פראגען ענטפערט דער צווייג פון דער וויסענ־שאפט, וואס רופט זיך פאליטישע עקאנאמיע.

איצט קענען מיר קומען צו דער בעשטימונג פון פאליטישע עקאנאמיע. פאליטישע עקאנאמיע איז א געזעלשאפט־ליכע וויסענשאפט, זי פארשטאויכ די ערשיינונגען, וועלכע קומען פאר אין דער געזעלשאפטלי־כער זייט פון'ם קאמפף פאר עק־זיסטענץ. די שייכות צווישען מענשען אין בעשאפען לע־בענסמיטלען, אין פערנאנ־דערטיילען און אין פערברוי־כען די לעבענסמיטלען; דיזע ערשיינונגען ערפארשט זי אין זייער פערענדערונגס־פארמע.

א. ש. זאקס.

דיא אַלטע און די נייע טרייד-יוניאָנס

פון יודזשין וו. דעבס.

די „צוקונפט“ עפענט אַ דיסקוסיאָן איבער דיא ווייכטיגסטע שטרייט פראַגען אין דער אַמעריקאַנער יוניאָניסטישער בעוועגונג. יעדע ערנסטע גרינדליכע אַבהאַנדלונג וועט מיט פאַרגעניגען אָנגענומען ווערען. רעד.



י. וו. דעבס.

אז דיא איצטיגע טרייד יוניאָן בעוועגונג איז ווייט הינטערשטעלליג און אונפעהיג עטוואָס אויפצוטהון — וועגען דעם דארף מען ניט ברענגען קיין ארגומענטען. דיא לעצטע פאַסירונגען בעווייזען דאָס.

דער דורכפאַל פון דעם סטרייק אין פאַלל־ריווער און דיא שרעקליכע ליידען, וועלכע דיא סטרייקערס זיינען דורך איהם אויסגעשטאַנען, קענען ניט פערמינדערט ווערען דורך דיא טרויסטענדע פערזיכערונג פון דיא ארבייטער פיהרער, אז עס איז נאָך ניט אַזוי שלעכט וויא עס האָט געקענט זיין.

דיא מעהר דענקענדע פון דיזע סטרייקערס האָבען בעקומען אַ וויכטיגען לעסאָן. טויזענדע פון זיי אנערקענען שוין דיא אונפערמיידליכע שוואכקייט פון דעם פאַך־יוניאָניזמוס, ווען עס קומט צו אַ קאַמפף געגען פעראייניגטען קאַפּיטאַל. אין זייער ביטערען שיקזאַל זעהן זיי דיא לעכערליכקייט פון יוניאָניזמוס, וועלכער צוטהיילט זיי. יעצט זאָגט זיי שוין זייער פערשטאַנד אז זיי מוזען אוועקנעהמען דיא מחיצה, וועלכע דער אַלטמאָדישער פאַך־יוניאָניזמוס האָט אוועקגעשטעלט צווישען זיי. יעצט פעראייניגען זיי זיך אין אַ מעכטיגע קלאַסענבעוואוסטע מחנה. אין אַ בונד פון אינדאַסטריעל יוניאָניזמוס.

דער אונגליקליכער סטרייק פון דיא סאָבוויי און עלעוויטעד אנגעשטעלטע אין ניו יאָרק איז אַן אנדער שטאַרקער בעווייז וועגען דיא מאכטלאָזיגקייט פון דיא אַלטע פאָרמען פון יוניאָניזמוס. דיזע ארבייטער האָבען פערלאָרען דעם גלויבען אין זייערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציאָנען און דעם צוטרויען צו זייערע פיהרערס, און זיינען ארויס סטרייקען אויף זייער אייגענעם חשבון. וואָס איז דאַן געוועזען? דיא ארבייטער פון דיא „פּאַור האוז“ (וואו עס ווערט פּאַבריצירט דיא עלעקטריציטעט פאַר דיא טריינס) זיינען געבליבען ארבייטען, וועהרענד דיא 6000 יוניאָן לייטע זיינען איבערוועלטיגט געוואָרען פון אַן ארמעע סטרייק ברעכערס, אָנגעפיהרט פון אַ פעהיגען סקעב פּאַדריאַטשיק. דיא „פּאַור האוז“ ארבייטער בעלאַנגען צו אַ בעזונדער יוניאָן. דערפאַר איז ביי זיי געוועזען כשר צו בלייבען ארבייטען און העלפען בעלמאָנטען געגען דיא סטרייקענדע סאָבוויי און עלעוויטעד אָנגעשטעלטע.

דיזער סאָרט טרייד יוניאָניזמוס איז גוט פאַר בעלמאָנטען און יעדען אנדערען ארבייטער עקספּלואַטאַטאָר פון לאַנד.

געפעלט ער אויך דער ארבייטער קלאַסע, פון וועלכער עס פאַלען דורך איהם אַזוי פיעל קרבנות?

אלע גרויסע סטרייקס, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין דיא לעצטע צייט, האָבען זיך געענדיגט ענטוועדער מיט אַ קלאָגעדיגען קאָמפּראָמיס אָדער מיט אַ מיאוסען דורכפאַל.

דיא ביסעלע מאַכט וואָס דיא אַלטמאָדישע יוניאָן האָט נאָך ווערט ביסלעכווייז פערשוואונדען, און אום אפילו דאָס אויך צו פערניכטען האָבען פּרעזידענט פּאַררי, פון דיא „סיטיזענס עלייענס“, און פּרעזידענט פּאָסט, פון דיא מאַנופעקטשורערס אַססאָסיאיישען, אָרגאַניזירט זייער קאַפּיטאַליסטישע קלאַסע און בעקעמפּפען יעדען ארבייטער געזעץ, וואָס ווערט פאָרגעשלאָגען פון דיא יוניאָנס. זיי בעקעמפּפען דיא יוניאָנס אליין, הויפּטזעכליך אין צייט פון

סטרייק. דאַן פעראייניגען זיך אַלע קאַפּיטאַליסטען צו צושמעטערן דיא אַרבייטער, וועלכע זיינען אין דעם סטרייק בעטהייליגט. דאָס קומט זיי אָן גאַנץ לייכט, ווייל זיי זיינען פעראייניגט, וועהרענד דיא אַרבייטער זיינען צוטהיילט אין פאַך־יוניאָנס.

עס איז דאָ כדי צו בעמערקען אַז דיא לעכאָנס פון אַ פערלוירענעם סטרייק האָבען דאָך אַ שטיקעל ווערטה. פאַררי און פּאָסט וועלען פיליכט צושמעטערן דיא פאַך־יוניאָנס; זיי וועלען אָבער קיינמאָל ניט קענען פערניכטען דעם יוניאָן־גייסט אין דער אַרבייטער קלאַסע. אין געגענטהייל: זיי וועלען דעם פלאַם צובלאָזען אין אַ פלאַקער און פערפעסטיגען דיא אַרבייטער אויפ'ן גרונד פּרינציפּ פון דעם קלאַסען קאַמפּף, וועלכער שיקט דיזע אַרבייטער אַרויס אויף דעם אינדוסטריעלען פעלד, אויף דעם פּאָליטישען פעלד און יעדען אַנדערען פעלד, ביז פּאַררי און פּאָסט און זייער קלאַסע וועלען פערטריעבען ווערען, דיא קאַפּיטאַליסטישע קלאַסע וועט ווערען אָפּגעשאַפט און לוין־שקלאַפּעריי וועט זיין אַ זאַך דער פערגאַנגענהייט.

דייטליכער גערעדט הייסט עס, אַז דיא פעראייניגטע קאַפּיטאַליסטען וועלען האָבען געגען זיך דיא פעראייניגטע אַרבייטער. מיטגליעדער פון איין יוניאָן וועלען מעהר ניט שטעהן פון ווייטען און צו־קוקען וויא מיטגליעדער פון אַן אַנדער יוניאָן ווערען געדריקט און בעזיעגט, און זיי וועלען ניט קענען העלפען ווייל זיי וועלען ניט איבערטרעטען אַ כלומרשטדיגען קאָנטראַקט.

עס וועט זיין בלויז איין יוניאָן, און דיזע וועט אין זיך האָבען אַלע אַרבייטער פון אַלע אַבטהיילונגען פון דעם טרייד, אין וועלכען זיי זיינען בעשעפטיגט. דאַן אויב אימיצער פון זיי וועט האָבען אַ קריוודע, וועט עס זיין אַלעמענס קריוודע און ווען עס וועט זיין אַ סטרייק וועלען אַלע סטרייקען. עס וועלען מעהר ניט זיין קיין בעזונדערע יוניאָן דזשוריסדיקשאָנס, צוליעב, וועלכע זיך אַרומצורייסען; עס וועט מעהר ניט זיין קיין „אונפּאַרטייליכקייט" אָפּצוהיטען און עס וועלען מעהר ניט זיין קיין סימפּאַטי סטרייקס.

דיא נייע יוניאָן וועט מיט זיך אויסדריקען דיא יעצט עקזיסטירענדע עקאָנאָמישע צושטענדע. דיא פּראָדוקציאָנס מיטלען זיינען געוואָרען איין גרויסער מעכאַניזמוס, דיא טריידס זיינען צוזאַמענגעמישט געוואָרען און דיא אַרבייטער שטעלען פאַר איין גרויסע קאָאָפּעראַטיווע אינדאַסטריעלע אַרמעע. בענוצענדיג זיך דערמיט, פעראייניגען זיך דיא בעל־הבתים פון דיזען מעכאַניזם — דיא קאַפּיטאַליסטען — און בעפעסטיגען זיך געגען זייערע לוין־אַרבייטער מיט דעם צוועק זיי אימער צו האַלטען אין אינדאָסטריעלע שקלאַפעריי.

נעהמענדיג אין אָנבעטראַכט דיזע אונגעהייערע מאַכט פון דיא קאַפּיטאַליסטען איז דאָס ניט אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט אויפצוהאַלטען דיא צוטהיילטע אַלטע טרייד־יוניאָנס, וועלכע זיינען וויא צוזאַמענגעבונדען מיט שפּינוועבס?

קען מען דאָס אָנרופען יוניאָניזמוס?

איז דאָס ניט גיכער נאָן־יוניאָניזמוס?

דיא צייט איז געקומען פאַר אַ נייע, צייטליכע אַלעם איינשליעסענדע און רעוואָלוציאָנערע עקאָנאָמישע בעוועגונג פון דער אַרבייטער קלאַסע. דיא פאָרמע און אויפגאַבע פון דיזער בעוועגונג מוז אויסדריקען דעם יעצטיגען צושטאַנד פון דער אינדאָסטריעלער ענטוויקלונג.

דיזע בעוועגונג וועט ניט וועלען וויסען פון דיא אַלע כלומרשטדיגע געמיינשאַפטליכע אינטערעסען צווישען דיא אַרבייטער און קאַפּיטאַליסטען. זיא איז געגרינדעט צו בעקעמפּפען דעם קאַפּיטאַליזמוס און ניט שלום צו מאַכען מיט דיא עקספּלואַטאַטאָרס פון דיא אַרבייטער.

צווישען קאַפּיטאַליסטען און לוין־שקלאַפען קען קיין פריעדען ניט זיין. דיא מלחמה צווישען דיזע צוויי קלאַסען געהט אָן און וועט אָנגעהן ביז דיא ביטערע ענדע. עס קען ניט זיין קיין קאָמפּראָמיס אויף לאַנג און קיין פריעדען פאַר דיא אַרבייטער, סיידען זיי זאָלען צופריעדען זיין צו ווערען שקלאַפען.

אין דער נייער יוניאָן וועט זיך ניט פּיהרען אַז דיא אַרבייטער פון אַ גרויסער פעקטאָרי זאָלען וויא יעצט זיין צוטהיילט אין אַ הונדערט קליינינקע יוניאָנס, וועלכע זאָלען זיך תמיד אַרום קריעגען איבער זייערע דזשוריסדיקשאָנס. דיזע יוניאָנס ווערען אָפט קאָנטראָלירט פון קליינע פּאָליטישאָנס, אַגענטען פון דיא קאַפּיטאַליסטען, וועלכע רייצען אויף איינע געגען דיא אַנדערע.

אַזאַ סאָרט, כלומרשט'דיגען יוניאָניזמוס האָבען מיר געהאַט גענוג, מעהר וויא גענוג, און עס איז שוין צייט אַז דיא אַרבייטער, וועלכע זיינען אַזוי אָפט בעזיעגט, פערפאָלגט, געבלעקליסטעד, אַרעסטירט און אויסגעהונגערט, זאָלען

עפענען זייערע אויגען און זיך ארום זעהן אז זיי זיינען בלינד געגאנגען אין דער פאסטקע, וועלכע זייערע באָסעס דורך דיא געדונגענע שקלאַפען־טרייבער האָבען פאר זיי געשטעלט. דיזע פערקויפטע נשמות האָבען דאָס געשטערט יעדען פּלאַן ווירקזאם צו פעראייניגען דיא ארבייטער. יעצט נאטירליך וועלען זיי ווארנען דיא ארבייטער געגען דער נייער יוניאָן. זיי וועלען זיא מיסרעפּרעזענטירען. עס איז אָבער דאָ א גרויסע מאסע קלאַסענבעוואוסטע ארבייטער, וועלכע וועלען זיך ניט לאָזען פערפיהרען און וועלכע וועלען זיך פערזאמלען ארום דער פאָהן פון דיא „אינדאָסטריעל וואָירקערס אָף דהי וואָירלד".

דיא ארבייטער, פעראייניגט אין איין גרויסער עקאָנאָמישער קערפּערשאפט, קענען געלערענט און צוגעפּאסט ווערען איבערצונעהמען דיא אינדאָסטריען, אין וועלכע זיי זיינען בעשעפטיגט. און ווען דיא אינדאָסטריען וועלען שוין בעלאנגען צו זיי, וועלען זיי — מיט דער הילף פון דער פּאָליטישער מאכט, וועלכע זיי וועלען דאַן האָבען אין זייערע הענד — קענען פיהרען דיא אַלע אינדוסטריען פריי פון דער קאפּיטאליסטישער הערשאפט און לויט דיא פּרינציפּען און פּראָגראם פון דער אינדאָסטריעלער דעמאָקראטי און פון דיא ארבייטער רעפּובליק.

דיא נייע יוניאָן איז שוין געגרינדעט, און פאָרטגעשריטענע טרייד יוניאָניסטען און אויך אזעלכע, וועלכע האָבען זיך געהאלטען פון ווייטענס פון א יוניאָן, פערזאמלען זיך ארום איהר פאָהן. עטליכע נאציאָנאלע אָרגאניזאציאָנען האָבען זיך שוין אָנגעשלאָסען און עטליכע אנדערע נעהמען שריטע וועגען דעם.

אַרבייטסלאָזיגקייט

1

דיא ארבייטס־לאָזיגקייט א נאַציאָנאלע פראגע" אזוי הייסט איינע פון דיא פיעל ארבייטען, וועלכע זיינען אין דער לעצטער צייט אין ענגלאנד געשריבען און פאָרעפענטליכט געוואָרען וועגען דער וויכטיגער פונדאמענטאלער פראגע. אזוי הייסט דאָס ווערק פון אָלדען פערס.

אין ענגלאנד איז היינט דיא פראגע וועגען דיא מיליאָנען ארבייטער, וואָס געהן ארום אָהן ארבייט, ווייל זיי האָבען ניט און קענען ניט קריגען קיין ארבייט, געוואָרען א ברענענדע טאָגעס־פראַגע. איהר האָט וואהרשיינליך אלע געלעזען וועגען דיא הונגער־דעמאָנסטראציאָנען פון דיא הונדערטע טויזענדע ארבייטסלאָזע מענער און פרויען אין לאָנדאָן.

אָבער דיא פראגע וועגען דיא ארבייטס לאָזיגקייט איז מעהר וויא א נאציאָנאלע ענגלישע פראגע. זיא איז א וועלט פראגע. דאָס וואָס איז היינט ברענענד אין ענגלאנד, איז געוועזען ברענענד פאר 4 יאָהרען צוריק אין דייטשלאנד, איז געוועזען ברענענד פאר 10—12 יאָהרען צוריק אין דיא פעראייניגטע שטאאטען, און וועט נאָך זיין פון צייט צו צייט אַ ברענענדע טאגעספראגע אין אלע אנדערע לענדער.

יעדעס מאָל, וויא נור אין וועלכער עס איז א לאנד הייבען זיך אָן צו בעווייזען דיא ערשטע סמנים פון עקאָנאָמישער ריקגאנג און פון א קריזיס, אזוי ווערט דיא פראגע וועגען ארבייטס לאָזיגקייט א ברענענדער געפעהרליכער וואונד אויף יעדען סאָציאלען קערפּער אין דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט. און אפילו אין דיא „גליקליכע" צייטען, אין דיא צייטען פון פּראָספּעריטי, פארשווינדעט דיא ארבייטס לאָזיגקייט ניט, נור זיא נעהמט אָן א שטילערן כאראקטער, ווייכערע פאָרמען: זיא טראָגט דאַן דעם כאראקטער פון א כראָנישע קראנקהייט.

דיא פראגע וועגען ארבייטסלאָזיגקייט ווערט צוטהיילט אויף צוויי גרויסע זעלבסשטענדיגע טהיילען. עס מוז ערשטענס אונטערזוכט ווערדען: ווער זיינען און פון וואַנען נעהמען זיך דיא ארבייטסלאָזע? אזוי וויא בלעקוואודס מעגעזין שטעלט דיא פראגע. עס מוז דאַן אויך אונטערזוכט ווערען: „וואָס זאָל מען טאָהן מיט

דיא ארבייטסלאָזע״ ? אזוי וויא עס שטעלט דיא פראגע קער—הארדיא.

„ווער זיינען און פון וואנען קומען דיא ארבייטסלאָזע״ ? שטעלען דיא פראגע הייסט שטעלען דעם דיאגנאָז פון דער שווערער סאָציאלער קראנקהייט. שטעלען ריכטיג דעם דיאגנאָז פון א קראנקהייט, ד. ה. באשטימען אין וואָס דיא קראנקהייט אייגענטליך בעשטעהט. דאָס איז איבערהויפּט דיא שווערסטע און וויכטיגסטע אויפגאבע אויך אין דער מעדיצינישער וויסענשאפט ; זיא איז דאָפּעלט וויכטיג און שווער ווען עס האנדעלט זיך ביי דער קראנקהייט פון א גרויסען געזעלשאפטליכען קערפּער.

דיא קראנקהייט איז שוין א גאנץ אלטע. זיא האָט ניט עקסיסטירט אלס סאָציאלע פּראגע, כל זמן עס האָט עקסיסטירט דיא פּארצייטיגע קאָמונע, דאן איז דיא פראגע וועגען יא ארבייט, אָדער ניט ארבייט רעגולירט געוואָרען דורך דיא בעציהונגען צווישען מענשען און דער נאטור. דער שטן פון ארבייטסלאָזיגקייט, אלס סאָציאלע קראנקהייט, האָט זיך אָבער גענומען בעוויזען שוין גאנץ פריה, ווען דיא געזעלשאפט איז געטהיילט געוואָרען אין קלאסען און דיא פּראָדוקציאָנס מיטלען זיינען געוואָרען פּריוואט אייגענטהום, גענומען זיך בעווייזען אין איינצעלנע סימפּטאָמען, אין געוויסע צייטען.

שוין ביי דיא פעלקער פון אלטערטהום זעהען מיר איהר קומען און פארשווינדען. זיא האָט דאן געטראָגען א בעזונדערן כאראקטער, גאנץ אנדערש וויא היינט. דאן, ווען דער גרעסטער טהייל פון דער בעפעלקערונג האָט געלעבט אין דיא דערפער, פון ערד ארבייט, איז ארבייטסלאָזיגקייט געוואָרען א כאָציאלע פראגע דורך דעם ,וואָס דיא רייכע גוטס בעזיצער פלעגען פארשלינגען דעם אייגענטהום פון דיא ארימערע, און פארשלינגען פלעגען זיי עס דורך דיא הייכע פּראָצענטען, וואָס זיי פלעגען רייסען.

דיא מיטלען, וועלכע זיינען דאן אָנגענומען געוואָרען געגען דעם האָבען געשטרעבט צוא פארהיטען און פארזיכערען דיא בויערן דעם בעזיץ פון זייער שטיקעל ערד : דאָס האָט געוואָלט דיא תורה מיט שמטה און יובל. דאָס האָט געוואָלט סאלאָן מיט זיין געזעצגעבונג, (דיא אראָפּווארפונג פון דיא שולדען). שפּעטער, ווען אטהען איז געוואָרען א גרויסע און רייכע הערשערין איבער א סך קאָלאָניען, פלעגט מען דיא פּעראָרימטע בירגער פארזאָרגען מיט ערד אין דיא ווייטע קאָלאָניען (קלערוכען האָט עס געהייסען).

אין רוים האָט די ארבייטסלאָזיגקייט מיט דער צייט זיך פיעל מעהר פארשפרייט און איז געוואָרען פיעל געפעהרליכער. גרויסע מאסען פון פאראָרימטע בויערן פלעגען זיך צונויפקלייבען אין שטאָדט און פלעגען זיך פעראייניגען מיט דיא מאסען ארבייטסלאָזע פּראָלעטאריער פון שטאָדט גופא און צוזאמען האָבען זיי אויפגעהייבען דעם מעכטיגען געשריי : „ברויט און צירקוס״ פון וועלכען דער גאנצער רוימישער שטאאט איז צוטרייסעלט געוואָרען.

דיא געברידער גראקונוס זיינען געוועזן דיא באריהמטעסטע דאמאָלדיגע רופאים פון דער קראנקהייט. פארטהיילונג פון ברויט איז געווען זייער רפואה אויף דער וויילע און פארטהיילונג פון שטאאטס ערד צווישען דיא אָרימע בירגער זייער גרינדליכע קוראציע. זעלבסט פערשטענדליך, אז דיא פראגע האָט עקסיסטירט אלס סאָציאלע פראגע נור בנגוע דיא פרייע. פאר דיא שקלאפען האָט מען געפונען ארבייט.

נאָך דעם, וויא רוים איז געפאלען און דיא גערמאנען זיינען געוואָרען דיא בעלי בתים פון אייראָפּא, איז די ארבייטסלאָזיגקייט אויף פיעלע יאָהרהונדערטע פערשוואונדען. דיא ווירטשאפט פון דיא גערמאנען איז געוועזן צוא וויניג ענטוויקעלט ; ערד איז געוועזן מעהר וויא גענוג ; דיא בעפעלקערונג איז געוועזן נאָך קליין, אזוי אז פון ארבייטסלאָזיגקייט איז קיין רייד ניט געוועזן.

שפּעטער, אין דיא ערשטע צייטען ווען עס האָבען זיך גענומען גרינדען דיא שטעדט (אין 11—12 יאָהרהונדערט) האָבען זיי אויך געשאפען פיעל ארבייט, פאר דיא, וואָס זיינען געלאָפען פון דיא דערפער. דיא בעפעלקערונג איז אָבער געוואקסען שנעל און דיא פאָדערונגען אויף ארבייטס קרעפטען האָבען ניט געוואקסען אזוי שנעל. דיא קונדשאפט פאר דיא שטעדטישע בעלי מלאכות איז שוין אליין אויך געווען באגרענעצט. דיא צעכען האָבען נאָך קינסטליך איינגעהאלטען און איינגעצאמט דיא פרייע ענטוויקלונג פון דיא שטעדטישע מלאכות.

אָט אזוי האָט צום סוף פון מיטעל אלטער זיך גענומען פיהלען אז עס פעהלט ארבייט פאר די האנדווערקער, די מיטגליעדער פון די צעכען, און נאָך מעהר, פאר דיא נייע, פאר דיא געוועזענע לעהרלינגע, און געהילפען. דיא רפואה איז בעשטאנען דאן אין דעם, וואָס זיי אלע

פלעגען באקומען שטיצע פון דיא צעכען אויף רייזע קאָסטען און אויף חונה צו „וואַנדערן" און זוכען ארבייט אין דער פרעמד.

דיא נייע צייט אין דער אייראָפּעאישער געשיכטע הייבט זיך אָן מיט דער ארבייטסלאָזיגקייט אַלס ברענענדער געפעהרליכער וואונד. אין דיא שטעדט איז געוואָרען איינג. דיא צעכען זיינען געוואָרען פערקלאַפּט פאר „זייטיגע". און „זייטיגע" האָבען זיך אָנגעקליבען אליץ מעהרער און מעהרער. זיי זיינען געוואָרען פּראָלעטאריער, מענשען אָהן אייגענטהום, אָהן בעשטימטע פּראָפעסיאָנען, „הענד", וויא מען רופט עס. און פאר דיא הענד איז ניט געווען קיין ארבייט גענוג כל זמן דיא גרויסע אונטערנעהמונגען, דיא פעקטאָרים (מאַנופעקטורען האָבען זיי געהייסען דאן) האָבען זיך נאָך ניט ענטוויקעלט.

אין ענגלאנד האָט זיך דיא ביטערסטע ארבייטסלאָזיגקייט צוא יענער צייט דוקא אָנגעהויבען פון דאָרף. אזוי וויא דיא טוך־פּראָדוקציאָן האָט זיך שטארק ענטוויקעלט און דער מקח אויף וואָל איז געשטיעגען הויך, האָבען דיא גוטס בעזיצער פארלאָזען זייערע פעלדער און געגומען האַלטען גרויסע סטאדעס שעפסען. דערפון זיינען צעהנדליגע טויזענדע בויערן געבליעבען אָהן ארבייט און ברויט. זיי זיינען געוואָרען ענטוועדער שטעדטישע פּראָלעטאריער, אָדער גנבים. און טרעמפּס.

דיא רפואה געגען דיא קראנקהייט איז אין יענער צייט בעשטאנען פון בלוטיגע מערדעררישע שטראָף געזעצען. „מען האָט זיי בעשטראָפט — זאָגט מארקס — דערפאר, וואָס מען האָט פון זיי געמאכט טרעמפּס און בעטלערס". דיא געזעצגעבונג האָט זיי בעהאנדעלט וויא „פרייוויליגע" פארברעכער.

שפּעטער, אין דער צייט פון מערקאנטיליזמוס, האָט דיא ארבייטסלאָזיגקייט אויף א געוויסע צייט פערלאָרען איהר שארפקייט, ווייל דיא נייע גרויסע אונטערנעהמונג — צוזאמען מיט דיא נייע וועלט טהיילען — האָבען פארשלונגען פיעל מענשען. אָבער עס האָט ניט געדויערט זעהר לאנג און דיא קראנקהייט האָט זיך אומגעקעהרט מיט נאָך מעהר קראפט, און אין א געפעהרליכערער פאָרם.

און וואָס מעהר ארבייטלאָזע עס האָבען זיך אָנגעקליבען אליץ שארפער און אלגעמיינער זיינען געוואָרען דיא געזעצע געגען דיא טרעמפּס. נאָך אין יאָהר 1777 האָט מען אין פראנקרייך באשטראָפט מיט קאטאָרזשנע יעדען ארבייטס פעהיגען מענשען, וועלכער איז 6 חדשים אָהן ארבייט און קען זיך ניט אליין ערנעהרען. און אין פּוילען האָט עקסיסטירט א געזעץ: „ווער עס האָט ניט קיין צעטעל פון א דאָקטאָר אז ער טויג ניט צו קיין ארבייט, און געהט ארום אָהן ארבייט, דעם זאָל דיא פּאָליציי כאפּען, אוועק נעהמען ביי איהם זיין געלד, איהם געברויכען צוא אלערליי קהל'שע ארבייטען און יעדען פרייטאג איהם אריינצעהלען 50 שמיץ."

נאָך אמאָל האָט א קליינע ווייל געהערשט דיא האָפנונג אז דיא ארבייטסלאָזיגקייט. וועט פארשווינדען. דאָס איז געווען אין דיא ערשטע פריהלינגס טעג פון דעם מאָדערנעם קאפּיטאליזמוס. אין דיא טעג, ווען דיא קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט האָט געקעמפּפט פאר פּאָליטישע פרייהייט און גלייכהייט, איז ביי איהרע אָנהייגער און וואָרטפיהרער אויסגעקומען, אז צוזאמען מיט פּאָליטישע רעכטע, צוזאמען מיט דעם רעכט צוא טאָהן אליץ און צוא געהן וואו מען וויל, וועט פאר אלעמען געשאפען ווערן דיא געלעגענהייט צוא באקומען ארבייט נאָך זייערע פעהיגקייטען און נאָך זייער פערלאנג.

אָבער דער שיינער, זיסער חלום וועגען גליק אויף דער ערד און פריעדען צווישען מענשען אין דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט איז אזוי שנעל, אזוי גרינדליך פערשוואונדען געוואָרען! פיעל נייע צרות, נייע פּלאָגען האָט די קאפּיטאליסטישע „פרייהייט" געבראכט פאר דיא גרויסע פּראָלעטאריער - מאסען און זיא האָט אויך דיא ארבייטסלאָזיגקייט געמאכט פאר איינע פון דיא שטענדיגע, שמערצליכסטע וואונדען פון דער איצטיגער געזעלשאפט, אזוי אז היינט, אין אנפאנג פון 20־טען יאָהרהונדערט, — שטעהט דיא פראגע שארפער, ביטערער וויא ווען עס איז און פאָדערט: „פארענטפערט מיר".

היינט צוא טאָג איז דיא פראגע: וואָס טהוט מען מיט דיא ארבייטסלאָזע? איינע פון דיא שווערסטע „נאציאָנאלע" ענגלישע טאגעס פראגען. זיא קען אָבער מיט יעדען טאָג ווערן ניט ווניגער ברענענד פאר יעדע אנדערע קאפּיטאליסטיש־ענטוויקעלטע לאנד, וואָרום זיא איז אן אָרגאנישע קאפּיטאליסטישע וועלט קראנקהייט.

2

דיא הערשענדע קלאסען און דיא רעגירונג האָבען זעהר א גרויסען אינטערעס אין דעם,

צוא פּארדעקען דיא לעבער פון דער עקסיכטירענדער אָרדנונג, צוא האלטען דיא גרויסע ארבייטער מאסען אין פינסטערנים און אונוויסענהייט וועגען זייערע צרות און פּלאָגען. דער ארבייטער וואָס ליידעט פון הונגער און נויטה דארף ניט וויסען אז ער איז ניט איינער. דער ארבייטער, וואָס זוכט ארבייט טאָר ניט וויכען, אז נאָך אזיינע און אזיינע ברואים ליעגען אויפ'ן גאס, וואָרום, אייב ער וועט וויסען דיא פּאַקטען, וועט ער אָנהייבען צו זוכען דיא ערקלעהרונגען, דיא אורזאַכען און דאָס איז זעהר געפעהרליך פאר דיא הערשער און רויבער.

ווען דער ארבייטער זאָל נור נעהמען קוקען אויף דיא וועלט מיט אָפענע אויגען; ווען ער זאָל נעהמען פיהלען אז זיינע צרות קומען דאָס רוב פון זיין לאגע אלס אַרבייטער, דאן וועט ער דאָך נעהמען פערשטעהן, אז ער דארף זיך פעראייניגען און פארבינדען מיט אנדערע ארבייטער; דאן וועט ער דאָך ווערן „קלאסענבעוואוסט“ און אָנהייבען קעמפּפען געגען דיא קלאסע פון דיא רויבער, עקספּלואטאטאָרס און אונטערדריקער. און פאר דיא ארבייטער פאראייניגונג פון דיא ארבייטער קעמפּפע ציטערן יענע נפשות נאָך מעהר וויא פאר פייער.

אָט אויף אזא אופן האָט זיך אין אלע לענדער אויסגעארבייט ביי דיא הערשענדע קלאסען און זייערע רעגיערונגען א סיסטעמאטישע פּאָליטיק קודםכלצואבעהאלטען פון זיך, און נאָך מעהר פון דיא ארבייטער, דיא פּאקטען.

יעדע רעגיערונג גיט אויס מיליאָנען א יאָהר אויף סטאטיסטיק. מען האלט גאנצע מחנות סטאטיסטיקער. מען נעהמט אויף פאָלקס צעהלונגען (צענזוס). מען האָט אויספיהרליכע גוטע סיסטעמאטישע ארבייטען וועגען אלערליי פראגען. מען וויים גענוי וויא פיעל חזרים, קיה און שעפּסען עס קומען צוא א יאָהר, וויא פיעל עס זיינען קראנק און פון וואָס זיי זיינען קראנק. אָבער מען האָט זעהר ווייניג סטאטיסטיקען און שלעכטע סטאטיסטיקען וועגען דיא וויכטיגסטע פראגען פון לעבען און ליידען פון דיא גרויסע ארבייטער מאסען.

און אונבעהאָלפען שטעהט מען געגענאיבער יעדער גרויסער סאָציאלער פראגע, ניט וויסענדיג אפילו גענוי וויא גרוים און טיעף דער וואונד איז.

מיר האָבען געזעהן, וויא אלט דיא קראנקהייט פון ארבייטסלאָזיגקייט איז. וויא פיעל מאָל איז זיא שוין געוועזן „ברענענד“ אין פערלויף פון דיא לעצטע צעהנדליגע יאָהרען אליין. און דאָך וויא אָרים איז דער מאטעריאל, דיא פאקטען און דיא צאָהלען וועגען דעם! מיר געדיינקען פאר א יאָהר פיער צוריק האָבען דיא סאָציאל - דעמאָקראטישע דעפּוטאטען אין דייטשען פּארלאמענט געמאכט א רייהע אטאקעס אויף דיא רעגיערונג, זיא זאָל כאָטש וועלען וויכען און אונטערזוכען דעם אמת וועגען דעם צאָהל ארבייטסלאָזע אין לאנד. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. און דיא בערלינער געווערקשאפטען האָבען געמוזט נעהמען אויף זיך דיא מיהע און דיא הוצאות צוא מאכען אזא אונטערזוכונג. און איבערהויפּט דאָס ביסעל מאטעריאל, וואָס מיר האָבען יא וועגען דער פראגע איז געשאפען געוואָרען ניט פון דיא רעגיערונגס ביוראָ'ס נור פון דיא געווערקשאפטען. זיי דערצעהלען אונז אויך נור פון דיא ארבייטסלאָזיגקייט צווישען דיא אָרגאַניזירטע ארבייטער. וואָס עס טהוט זיך אָבער מיט דיא ניט אָרגאַניזירטע ארבייטער, צווישען וועלכע דיא קאָנקורענץ איז דאָך פיעל שטארקער און דיא טשאַנסען ארומצוגעהן ליידיג פיעל מאָל גרעסער, וועגען דעם קען מען נור מאכען השערות און סברות. ריכטיגע אלגעמיינע פאקטען זיינען ניטאָ.

דאָך זאָלען מיר זעהן וואָס ווייסען מיר יא וועגען דיא ארבטסלאָזיגקייט אין פערשיעדענע לענדער?

דיא ענגלישע רעגיערונג האָט פאר א יאָהרען, אונטער דעם דרוק פון דער עפענטליכער מיינונג און פון דיא קולות פון דיא הונדערטער טויזענדער ארבייטסלאָזע, געלאָזען צונויפקלייבען און צוזאמענשטעלען אלע פאקטען, וואָס מען האָט געקענט אויסגעפינען וועגען דער פראגע אין פערשיעדענע לענדער, און האָט עס פארעפענטליכט אין א גרויסען, שעהנעם באנד פון „די מעמאָראנדא סטאטיסטיקל טייבלס ענד טשארטס פריפּיירד אין דהי באָרד אָוו טרייד“ סעקאָנד סעריעס 1904.

דיא וויכטיגסטע סיסטעמאטישעסטע און עלטעסטע צאָהלען געפינען מיר וועגען דיא ארבייטסלאָזיגקייט אין ענגלאנד. פון דיא ביכער פון דיא דאָרטיגע טרייד־יוניאָנס איז געלונגען צוזאמענצושטעלען א טאבעלע וועגען דיא צאָהל ארבייטסלאָזע מיטגליעדער פון דיא געווערקשאפטען פאר דיא לעצטע 43 יאָהר, פון יאָהר 1860 אָן. דער פּראָצענט פון דיא ארבייטסלאָזע האָט זיך אין פערלויף פון דער צייט פיעל מאָל

זעהר שטארק געענדערט. עס זיינען געוועזן יאָה־רען, ווען נור 1—2 פּראָצענט פון דיא מיטגליע־דער זיינען געוועזן ארבייטסלאָז. (צ. ב. אין יאָהר 1860, 1865, 1872, 1873, 1881, 1888, 1889, 1900). עס זיינען אויך געוועזן יאָהרען, ווען דער פּראָצענט פון דיא ארבייטסלאָזע האָט דער־גרייכט 6, 7, 9 און זאָגאר 10 און מעהר פּראָ־צענט (צ. ב. אין יאָהר 1862 — 6.05 פּראָצענט. 1863, 4.70; 1868, 6.75; 1878, 10.70; 1883, 7.15; 1884, 8.55; 1885, 9.55; 1886, 7.15; 1892 96 7—6 פּראָצענט.

פון דיא פיער צעהנדליגע יאָהרען זיינען דיא בעסטע צעהן יאָהר געוועזן דיא, צווישען 1870—1879, ווען 99.2 פּראָצענט פון דיא מיטגליעדער פון דיא יוניאָנס האָבען דורכ־שניטליך געארבייט. דיא נעכסטע צעהן יאָהר צווישען 1880—89 זיינען געוועזן דיא ערגסטע. נור 97.6 פּראָצענט פון דיא מיטגליעדער האָ־בען דורכשניטליך געארבייט. מיט א קליינינ־קייט בעסער איז געוועזן דער לעצטער צעהנדליג יאָהר צווישען 1890—99. עס האָבען דאן גע־ארבייט דורכשניטליך 98.2 פּראָצענט פון דיא מיטגליעדער.

דאן קומט גאָר א גוטער יאָהר. דאָס איז דער יאָהר 1900, ווען דורכשניטליך האָבען כמעט אלע מיטגליעדער פון דיא יוניאָס גע־האט ארבייט.

פון דאן אָן געהט עס פון יאָהר צו יאָהר אלץ ערגער.

אין יאָהר 1901 האָבען שוין נור 99 פּראָ־צענט געארבייט.

אין יאָהר 1902 — 98.2.

אין יאָהר 1903 — 97.5.

דיא אלע ציפערען רעדען, וויא געזאָגט, נור וועגען דיא אָרגאנזיירטע ארבייטער, דיא מיטגליעדער פון דיא יוניאָנס. וויא גרויס איז דיא צאָהל פון דיא ארבייטסלאָזע בכלל אין ענגלאנד איצט, אין דער צייט, ווען דער קריי־זיס פיהלט זיך שטארקער? קיין גענויע תשובה אויף דעם קען מען ניט געבען. מען שאַצט עס צווישען 1—2 מיליאָן.

קעיר־הארדיע האָט אין אָנפאנג פון יאָהר 1905 געמאכט אין דעם „19טה סענטשורי ענד עפטער" פאָלגענדען חשבון: דאָס קלענסטע, וואָס מען קען אָננעהמען איז 700 טויזענד. עס וועט אָבער ניט זיין פאלש צו רעכענען 1—2 מיליאָן ארבייטסלאָזע. ווען מען זאָל אָבציהען דיא אינדוסטריען, אין וועלכע קיין קריזיס איז איצט ניטאָ, בלייבט דאן 10 מיליאָן ארביי־טער, וועלכע ליידען יא פון דיא איצטיגע שלעכ־טע צייטען. פון זיי געהען איצט וויינינגסטענס 10 פּראָצענט ארום ליידיג אָהן ארבייט. דאָס מאכט אלזאָ אויס א מיליאָן ארבייטסלאָזע.

„בלעקוואוד'ס מעגעזין" קומט אין דערזעל־בער צייט צו עהנליכע רעזולטאטען, רעכענענ־דיג אן ערך פון 10 פּראָצענט ארבייטסלאָזע פון אלע 16 מיליאָן ארבייטער פון ענגלאנד. און פון דאן אָן איז דיא לאגע געוואָרען פיעל ערגער, ניט בעסער.

זעהר אָרים זיינען דיא פאקטען, וואָס מיר ווייסען וועגען דער פראגע פון דייטשלאַנד. אין יאָהר 1895 איז ביי דיא פאָלקסצעהלונג צום ערשטען — און דערווייל איינציגען — מאָל דיא פראגע אויפגענומען געוואָרען אין דיא ליסטען און דער רעזולטאט איז געוועזן: אין מי־טען זומער (דעם 14יוני) 1.77 פּראָצענט אר־בייטסלאָזע. אין מיטען ווינטער (2דעצעמבער) 4.80 פּראָצענט פון אלע ארבייטער. פון דאן אָן האָבען מיר נור וויניג אלגעמיינע פאקטען. מיר ווייסען צ. ב. אז אין א גאנצע רייהע גע־ווערקשאפטען איז פאר דעם האלב יאָהר צווי־שען סעפּטעמבער 1903 און מערץ 1904 דער פּראָצענט פון דיא ארבייטסלאָזע געוועזן פון 1.8 ביז 2.20.

אין נאָרוועגען איז אין יאָהר 1903—4 דער פּראָצענט פון דיא ארבייטסלאָזע געוועזן דורכשניטליך 4.1 פּראָצענט.

פון האָלאנד האָבען מיר א ביסעל פאקטען נור וועגען אמסטערדאמער יוניאָנס. דיא יאָהרען 1899—1902 זיינען געוועזן זעהר שלעכטע. צו־ליעב דיא זיד־אפריקאנישע מלחמה האָט דער פּראָצענט אין 1902. אָבער אין נעכסטען יאָהר דערגרייכט זאָגאר 21.9 פּראָצענט אין יאָהר 1900. 9.7 פּראָצענט אין יאָהר 1901 און 11.6 פּראָצענט אין 1902. אָבער אין נעכסטען יאָהר, ווען דער שלום איז געוועזן פארפעסטיגט, איז דער פּראָצענט ארונטער אויף 4.

פון בעלגיען האָבען מיר אויך פאקטען נור וועגען דיא אָרגאניזירטע ארבייטער פון איין שטאָדט (גהענט) און אויך ניט קיין גוטע פאק־טען. ארבייטסלאָזע זיינען געוועזן אין 1903 7.2 פּראָצענט פון אלע מיטגליעדער. אין יאָהר 1902 זאָגאר 14 פּראָצענט.

זעהר ניט קיין אנגענעהמע ציפערן זיינען אויך דיא פון פראנקרייך. פון דאָרט האָבען מיר פאר דיא לעצטע צעהן יאָהרען אלגעמיינע

ציפערן וועגען דיא אָרגאַניזירטע ארבייטער. אין יאָהר 1903 זיינען 10.1 פּראָצענט פון זיי ארומגעגאנגען אָהן ארבייט. אין יאָהר 1902 — 11 פּראָצענט. אין יאָהר 1901 — 9 פּראָצענט. אין יאָהר 1900 8 פּראָצענט. אלזאָ, אויך אין פראנקרייך געהט פּאָר אין דיא לעצטע יאָהרען דער זעלבער פּראָצעס, וויא אין ענגלאנד: וואָס ווייטער אלץ ערגער:

אחרון—אחרון חביב — דיא פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. דער אמעריקאנער הויפּט סטאטיסטיקער, קאראָל ד. ראיט דערצעהלט אין זיין „אוטלאין אָוו פּראקטיקל סאָשיאלאדזשי" וועגען דעם פאָלגענדעס: אין יאָהר 1878 האָט מען געשאצט אין דיא פעראייניגטע שטאאטען דיא צאָהל ארבייטסלאָזע אויף דריי מיליאָן מענשען. אין דיא קריזיס יאָהרען פון 1893—1896 האָט מען אויך אָנגענומען דיאזעלבע צאָהל.

דיא ערשטע פּראָבע גענוי דיא פאקטען פעסטצושטעלען איז געמאכט געוואָרען ביי דעם צענזוס פון יאָהר 1880. אָבער עס איז דערפון גאָר נישט ארויס. מיט א פיעל בעסערען ערפאָלג איז דורכגעפיהרט געוואָרען דיא פּראָבע אין סטייט מאססאטשוזעטס אין יאָהר 1885. עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז פון 816.470 פּערזאָן, וואָס זיינען בסך הכל געווען פערנומען אין יענעם סטייט ביי פערשיעדענע זאָרטען בעשעפטיגונגען האָבען 241.589 פּערזאָן, אָדער 29.59 פּראָצענט ניט געהאט קיין ארבייט אין יענעם יאָהר 4.11 חדשים.

דער עלפטער אלגעמיינער צענזוס פון יאָהר 1890 האָט געוויעזען, אז פון דיא 22.735.661 פּערזאָן, עלטער וויא 10 יאָהר, וואָס זיינען פערנומען ביי בעשעפטיגונגען, האָבען 3.523.730 פּערזאָן, אָדער 15.5 פּראָצענט, ניט געארבייט א געוויסען טהייל פון יאָהר. גענוי, וויפיעל צייט עס האָט זיי געפעהלט ארבייט, קען מען ניט אויסרעכענען, אָבער בסך הכל קומט אויס, אז 5.01 פּראָצענט פון אלע ארבייטענדע פּערזאָנען האָבען אין דעם יאָהר ניט געארבייט. דאָס הייסט, אז א צוואנציגסטער טהייל פון דיא ארבייטס-קרעפטען פון אמעריקאנער פאָלק, וואָס ווילען ארבייטען און קענען ארבייטען, האָבען ניט געהאט ביי וואָס צו ארבייטען.

נייערע ציפערן וועגען דיא אָרגאניזירטע ארבייטער בריינגט דער דערמאָנטער רעפּאָרט פון בארד אָף טרייד אין גרויס בריטאניען:

עס האָבען ניט געארבייט אין א גאנצע רייהע פון יוניאָנס, וואָס געהערען צו דער „אמעריקען פעדעריישען" אין יאָהר 1903 — 3 פּראָצענט פון אלע מיטגליעדער.

אין יאָהר 1897 — 24 פּראָצענט.

אין יאָהר 1901 — 4. "

אין יאָהר 1900 — 3.2 "

עס זיינען אָבער דאָ איינצעלנע טריידס, ביי וועלכע דיא ארבייטסלאָזיגקייט איז א מכה־מהלכת. אין דיא קלאָטהינג-טריידס צ. ב. האָבען אין יאָהר 1902 ניט געארבייט דורכשניטליך 24 פּראָצענט פון אלע מיטגליעדער פון דיא יוניאָנס. אין יאָהר 1901 האָבען ניט געארבייט 20.9 פּראָצענט. אין יאָהר 1900 — 332 פּראָצענט. אין יאָהר 1899 — 15.1 פּראָצענט. אין יאָהר 1898 — 35.7 פּראָצענט. אין אָיהר 1897 —2.44 פּראָצענט.

אן עהנליכע צרה'דיגע טרייד איז דיא ארבייט ביי דיא געביידעס, וואו דיא ארבייטסלאָזיגקייט האָט אין פערלויף פון דיא דערמאָנטע יאָהרען זיך געוואָרפען צווישען 17.1 פּראָצענט מינימום און 28.4 פּראָצענט מאקסימום.

נאָך דיא געביידע טריידס קומט דיא ארבייט ביי דיא טראנספּאָרט מיטלען. דאָרט ענדערט זיך דער פּראָצענט פון דיא ארבייטסלאָזע צווישען 8.1 פּראָצענט און 16.3 פּראָצענט.

אונגעפעהר אין דער זעלבער לאגע געפינען זיך אויך דיא דרוקערס און דיא האָלץ-ארבייטער.

ראָבערט האָנטער בריינגט אין זיין בוך וועגען דיא אָרימקייט אייניגע אלגעמיינע נייע ציפערן. ער בריינגט פון נייסטען, צוועלפטען צענזוס אייניגע ציפער. זיי ווייזען, אז 22.3 פּראָצענט פון אלע ארבייטער געהען אין פערלויף פון יאָהר א געוויסע צייט ארום אָהן ארבייט, און פון דיא פאבריק-ארבייטער זאָגאר 27 פּראָצענט. אין דיא איסט און נאָרטה סטייטס, וואו דיא אינדוסטריע איז מעהר ענטוויקעלט, איז דער פּראָצענט פון דיא ארבייטסלאָזע נאָך גרעסער.

אָט דאָס זיינען דיא פאקטען און צאָהלען וועגען דיא ארבייטסלאָזיגקייט אין פערשיעדענע לענדער. זיי-זיינען ניט פיעל. זיי זיינען ניט פול. אָבער זיי זיינען מעהר וויא גענוג צו איבערצייגען: ערשטענס, אז דיא ארבייטסלאָזיגקייט איז א קאפּיטאליסטישע וועלט־קראנקהייט. צווייטענס, אז די קראנקהייט קומט פאָר אין צוויי פאָרמען. אין א ברענענדער,

געפעהרליכער פאָרם, טרעט זיא ארויס דיא יאָה־
רען פון קריזיכען. און אין שטילערער כראָני־
שער פאָרם פארשווינדעט זיא אין דיא קאפּי־
טאליסטישע לענדער קיינמאָל ניט.

אז דיא סאָציאלע קראנקהייט איז דאָ און
אז מען דארף זוכען געגען איהר רפואות, דאָס
איז אלזאָ קלאָהר. אָבער איידער מיר וועלען
זיך ווענדען צו דיא רפואות, וועלכע ווערען
פאָרגעשלאָגען פון פערשיעדענע זייטען, וועלען
מיר זיך נאָך נעהנטער צוקוקען צו דיא אורזאַ־
כען פון דער קראנקהייט, צו דיא אומשטענדען,
אונטער וועלכע זיא קומט פאָר אין צו דיא
פאָרמען אין וועלכע זיא דריקט זיך אויס. ערשט
דאן וועלען מיר האָבען דעם ריכטיגען פּרוביר־
שטיין אויסצופּרופען דיא אלע פאָרגעשלאָגענע
סאָציאלע רפואות. דאָס אלץ אין א צווייטען
ארטיקעל.

דר. ק. פאַרנבערג.

אונזער בעוועגונג און די פּרעסע

דיא גרויסארטיגע דראמא, וואָס
שפּיעלט זיך יעצט אָב אין רוס־
לאנד; דיא טראגישע, זעהר
טראגישע אלטען, וואָס זיינען
אויסגעפאלען אויף דעם גורל
פון אונזער פאָלק, האָט אונז
מיט געוואלט אריינגעשלעפּט
אין מיטען פון יענע פּאסירונגען. ווייט וויא
מיר זיינען פון דיא „סצענע", ליעגט פון
דעסטוועגען אונזער גאנצע נשמה אין דעם
לאנד, וואו ליכט און פינסטערנים ראנג־
לען זיך יעצט, וואו עס בלישצעט מיט
פרייהייט און עס פאלט אן אימה פון פינסטער־
נים, און מיר דאָ, לעבען איבער דאָס גאנצע לע־
בען פון יענע „אקטיאָרען": מיר פּאטשען בראַ־
וואָ ווען דער גרויסער העלד, דאָס רעוואָלוציאָ־
נערע ארבייטער פאָלק, ערשיינט פאר אונז, און
מיר פערגיסען טרערען, ווען דער „ווילדער", דער
פינסטערער הוליגאן בעווייזט זיך אין זיין גאנ־
צער עקעלהאפטיגקייט.

אזוי צו אזוי, מיר זיינען נור אין אמעריקא
מיט דעם גוף, מיט דעם חומר; אונזער בעסערע
זייטע: אונזער דענקען און פיהלען, אונזער
נשמה און אונזער הארץ איז ווייט פון דאנען.

אָבר אין דער צייט, ווען מיר זיינען אזוי
פערטאָן מיט דעם וואָס געהט פאָר אין אונזער
אלטער היימאט, אין דער צייט, וואָס מיר טרוי־
ערען אויף דעם אומגליק פון אונזערע ברידער,
פּאסירט דאָ דערווייל זאכען, וועלכע, הגם ניט
אזוי וויכטיג פאר דער וועלט געשיכטע, זיינען
זעהר וויכטיג אן און פיר זיך, און אויף וועלכע
עס איז כדאי זיך אָבצושטעלען.

עס איז ניט אנגענעהם, עס פיהלט זיך
עפּעס וויא א חלול השם יעצט צו ריידען וועגען
אנדערע זאכען, אָבער איך פיהל זיך אין דיא לאַ־
גע פון א מוטער, ביי וועלכע דאָס טייערסטע
קינד איז געשטאָרבען: זי וויינט און זיא קלאָגט;
צו איהר אומגליק איז קיין טרויסט ניטאָ;
אָבער אין מיטען פון איהר טרויערען, אין מיטען
פון איהר יאָמערען, דערמאָנט זיא זיך, אז זיא
האָט נאָך קינדער, וועלכע האָבען א רעכט צו
לעבען, און, מיט א פערביטערט הארץ, נעמט זיך
קאָכען ווארמעס פאר דיא לעבעדיגע קינדער...

מיט דעם זעלבען געפיהל, וויל איך זיך
יעצט דורכריידען מיט אונזערע גענאָסען וועגען
דיא אידיש־סאָציאליסטישע בעוועגונג אין דיזען
לאנד, ספּעציעל אין דיזער שטאָדט.

* * *

עס איז געווען א צייט. — און דאָס איז
גאָר ניט לאנג צוריק, — ווען דיא אידיש־סאָ־
ציאליסטישע בעוועגונג אין דער גרויסער ניו
יאָרק, איז געווען געאכטעט און געשעצט פון
פריינד און פיינד. צו יענער צייט, — דאָס איז
געווען דיא צייט פון דיא „ארבייטער־צייטונג"
און „אבענד־בלאט," — איז יעדעס וואָרט, וואָס
איז געוואָרען געשריעבען, אָדער געזאָגט פון סאָ־
ציאליסטען אויסגעהערט געוואָרען מיט רעס־
פעקט. וואָס דיא געגנער האָבען ניט געדענקט
פון דיא סאָציאליסטען, אין זייער עהרליכקייט,
ערנסטקייט און אויפריכטיגקייט האָט קיינער
ניט געצווייפעלט, האָט קיינער ניט געוואגט צו
צווייפלען. דיא סאָציאליסטישע בעוועגונג, מיט
איהר פרעססע, שרייבער און רעדנער, איז גע־
ווען שארף אָבגעגרענעצט פון דיא רעאקציאָנע־
רען און פינסטערלינגע. אלעס וואָס האָט גע־
שטרעבט צו פּראָגרעס, אלעס וואָס איז געווען

עהרליך, פרינציפיעל, פראגרעסיוו און פעהיג אין אונזער קווארטאל, האט זיך גרופירט ארום דיא סאציאליסטישע בעוועגונג. זאגאר דיא וואס האבען זיך געוואלט מאסקירען, האבען געמוזט אנטאן א סאציאליסטישע מאסקע. אזא אטמאספערע איז דאס געוועזן דאן. דיא עהרליכע מענשען וואס זיינען ניט געוועזן קיין סאציאליסטען, האבען געוואוסט, אז עהרליכקייט געפינט מען ניט ביי דיא „כל ישראל“ בלעטער, נור ביי דיא סאציאליסטען, וועהרענד דיא פערקויפטע נשמות זיינען געלעגען בעהאלטען אין די נארעס און האבען געדאנקט גאט, ווען די סאציאליסטען האבען זיי ניט געטשעפעט. צו יענער צייט וואלט א שווארצע צייטונג, א צייטונג וואס פארקויפט זיך עפענטליך יעדען אין דער פריה צו איין פארטיי, און יעדען אבענד צו דיא געגנערישע פארטיי, אזא צייטונג וואלט דאן ניט געוואגט צו פערלוימדען אזא ארגאניזאציאן וויא דער „בונד“ ; צו יענער צייט וואלט ניט געקענט פאסירען, אז אנארכיסטען און סאציאליסטען זאלען זיך פעראייניגען מיט דיא גרעסטע פינסטערלינגע, מיט אנערקענטע שופטען, מיט מענשען וואס ווייסען פון קיין הייליגקייט, מיט מענשען וואס פערקויפען זייער גאט מיט זייער פאלק פאר א טאפ לינזען. אזא זאך האט ניט געקענט פאסירען. דאס וויכטיגסטע האט געמעגט פארקומען. דער פאקט אליין, אז יענע חברה האבען זיך בעטהייליגט אין א געוויסע זאך איז געוועזן גענוג צו ווארפען א חשד אויף דיא גאנצע זאך. צו יענער צייט וואלט ניט געקענט פארקומען דאס א נייע צייטונג, וואס פאראדירט מיט סאציאליזמוס, זאל יעדען טאג ארויסקומען מיט א באמבאסטישען ארטיקעל, איינער סקאנדאליעזער וויא דער צווייטער, איינער „געלער“ וויא דער צווייטער. און ווען זיא וואלט עס יא געטאן, וואלט זיא געוואוסט אין פאראויס, אז דיא סאציאליסטען וועלען זיך פון איהר אבטרייסלען ; צו יענער צייט וואלט אויך ניט פאסירט דאס א צייטונג וואס מוז זיין סאציאליסטיש, צו זיא וויל, צו ניט, זאל זיך דרייען וויא א ווארם אויף אלע זייטען און ניט וואגען אנצונעהמען דעם ריכטיגען שטאנדפונקט.

יא, דאס אלץ איז געוועזן צו יענער צייט, מיט צעהן יאהר צוריק.

דאס אלץ איז אבער היינט לוידער ניטא. היינט איז אנאנדער וועלט, היינט זיינען אנדערע צייטען, מיט אנדערע ליעדער, הגם דיא זעלבע פייגעל. היינט זעהען מיר מענשען, וואס האבען יאהרען לאנג ניט געוואלט הערען פון'ם „שטימקעסטעלע“, וואס האבען ניט געוואלט אבלאזען א גראשען פון דער גאנצער סאציאלער רעוואלוציאן, נעמען זיך זוכען א טעריטאריע פאר אידען ; היינט זעהען מיר מענשען וואס האבען יאהרען לאנג געזידעלט דיא סאציאל דעמאקראטען, ווייל דיזע האבען ערקלערט רעליגיאן אלס פריוואט זאכע ; — היינט זעהען מיר דיזע מענשען פעראייניגט מיט אזעלכע, ביי וועמען רעליגיא איז ניט נור א פריוואט זאכע, נור א ביזנעס זאכע, וועלכע לעבען פון דעם „רעליגיאן'ס שווינדעל“, וועלכע מסחר'ען מיט רעליגיאן וועלכע בעטראכטען דאס אידישע אומגליק אלס צייטונגס־סעזאן. עס איז אמת דיזע מענשען זיינען פון איממער אן געוועזן מעהר סענטימענטאל וויא פערנינפטיג, מעהר פראזיאריש וויא לאגיש, זייערע סענטימענטען און זייערע פראזען זיינען אבער איממער געוועזן געריכטעט אין דיא געגענגעזעצטע זייטע פון יענע גאטס־גנבים, מיט וועלכע זיי זיינען היינט פעראייניגט. היינט זעהן מיר מענשען וואס האבען זיך קונה שם געוועזען מיט זייער אפיקורסישע אגיטאציאן ארומגעהן פרעדיגען רעליגיאנס־טאלעראנץ ; היינט האבען מיר א סטרייק אין א סאציאליסטישע צייטונג מיט א הכשר פון די געווערקשאפטען פאר סקעבס ; היינט זעהען מיר א צייטונג וואס שרייט, אז נור ביי איהר איז דיא ווארהייט, שרייבענדיג איין סקאנדאליעזען ארטיקעל נאך דעם צווייטען, און סאציאליסטען פאטשען איהר בראווא און אונטערשטיצען איהר מיט דיא גאנצע אויטאריטעט פון זייער פערגאנגענהייט. מיר זעהען סאציאליסטען גיבען זייער שטימע פאר יעדען דעמאגאג, און קיינער פרעגט אפילו ניט דיא אורזאכע.

מיר זעהען דעם קאמיש־טראגישען ספעקטאקל וויא סאציאליסטען קערען זיך אב פון דער צייטנוג, וועלכע זיי האבען בעשאפען מיט בלוט און שווייס, און אין זייער פערצווייפלונג ווארפען זיי זיך אויף א צייטונג, וועלכע קען אין בעסטען פאל ניט זיין זייער ; מיר זעהען.... אבער איך וועל ניט פערטיג ווערען. מיר זעהען א דור הפלגה, א תהו ובהו, אן אוננאטירליכע צערשפליטערונג, און נאך אן אוננאטירליכערע פעראייניגונג.

וואס איז דיא אורזאכע פון דיזען אלעם?
וואו ליעגט דיא שולד? וואו ליעגט דיא תרופה?

אורזאכען זיינען געוויס דא מעהר וויא איינע. דאס גרויסע אונגליק וואס האט געטראפען אונזערע ברידער אין רוסלאנד, און נאך

אין א צייט, ווען מען האט עס אם ווייניגסטען בעדארפט ערווארטען, איז געוויס איינע פון דיא וויכטיגסטע אורזאכען. מענשען פילאזאפירען ניט ווען עס טהוט זיי וועה. ווען עס ברענט איז גאנץ נאטירליך, ווען איניגע פערליערען זיך און שפרינגען דורך דעם דאך, טראטין דעם וואס זיי קענען זיך ראטעווען דורך דיא טרעפ, ספעציעל נאך, ווען דיא קעשענע גנבים מאכען אזא ליארם, אז מען ווייס ניט אויף וועלכע וועלט מען איז. נאטירליך, דיא פייערלייטע און דיא פאליצייסקע, וואס קומען לעשען דעם פייער און בעשיטצען דיא איינוואהנער, דארפען זיך ניט פערליערען. זיי דארפען דעם עולם פיהרען דורך דיא טרעפ, און פערטרייבען דיא קארמאנשציקעס, זיינען אבער אונזערע „פייערלייטע" ניט געניט אין דיא ביזנעס, געהען זיי גראדע דארט וואו דיא קעשעניקעס פיהרען זיי...

דיא אימיגראציאן פון דיא לעצטע יאהרען איז געוויס א צווייטע אורזאכע: מיט 20-15 יאהר צוריק זיינען אהער געקומען אנדערע אידען וויא היינט. אין יענע יאהרען איז אין רוסלאנד נאך קיין מאסען בעוועגונג ניט געווען. דיא אריבערגעקומענע זיינען געווען רויה אין דיא אלע זאכען. אבער קומענדיג פון א דעספאטישע לאנד אין א לאנד פון פרייהייט און אין דערזעלבער צייט פיהלענדיג שטארק דעם דרוק פון קאפיטאליזמוס, וועלכער איז פאר זיי אויך געווען גאנץ ניי, האבען זיי זיך אלע געווארפען צום סאציאליזמוס.

היינט שטעהט דיא זאך א ביסעל אנדערש: רוסלאנד האט אין דיא לעצטע יאהרען ענטוויקעלט איהרע איגענע בעוועגונגען, און דיא אידען זיינען נאטירליך ניט אבגעשטאנען פון דעם אלגעמיינעם שטראם: סאציאלדעמאקראטען, באנדיסטען, סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען, פ. פ. ס.'ניקעס, ציוניסטען — מיט אלע יתרו'ס נעמען, מיט זייערע שאטירונגען און לאגערען — דאס זיינען דיא פארטייען, אין וועלכע דיא רוסישע אידען צוטהיילען זיך היינט.

די נייאיינגעוואנדערטע האבען אלזא מיטגעבראכט פערטיגע אידעען און — פערטיגע שטרייטיגקייטען. דיא פאסירונגען אין רוסלאנד און דיא בעוועגונגס־פרייהייט אין דיזען לאנד האט זיי געהאלטען צוגעבונדען צו דיא אלטע היימאט, און — דיא אלטע שטרייטיגקייטען. פון דער אנדער זייט, האבען דיא פרעפערטארי סקולס געמאכט פון פראסטע גראבע יונגען, דאקטוירים גראבע יונגען, און דיא „ריעל עסטייט" אין בראנזוויל האט זיי געמאכט פאר לענדלארדס — גראבע יונגען, און דיזע, לכל הדעות גראבען יונגען, האבען ניט ווייניג צוגעטראגען צו דעם דור הפלגה.

דאס זיינען ניט דיא איינציגע אורזאכען. אויך איז דאס בילד וואס איך האב פרובירט אויפצואווארפען, ניט פאלשטענדיג. איך פיהל, עס איז פיעל צו־שוואך, איך פיהל, אז א מענש מיט א בעסערע פעדער וויא מיינע, וואלט געמאלען דאס בילד מיט פיעל שווארצערע פארבען, מיר שיינט אבער, אז אין גרויסען און גאנצען, — וויא דער דייטש זאגט, — האב איך ארויסגעבראכט דיא הויפט־שטריכען.

נון, פרעגט זיך דיא פראגע: וואס איז געווארען פון דיא פריהעריגע סאציאליסטישע בעוועגונג? וואס האט זיא אויפגעטאן פאר דיא גאנצע צייט? וואס האט איהר פרעססע, איהר טעגליכע צייטונג, געטאן ארונטערצונעמען דיזע אלע עלעמענטען אונטער איהר פליגל? וויא האט זיא זיך אויסגענוצט מיט זיי, וואס האט זיא געטאן צו העלפען אויפקלערען דיא מוחות פון דיזע פערשיעדענע עלעמענטען?

וואס עס איז געווארען פון דיא בעוועגונג, איז שווער צו זאגען. דיא פרעססע אבער מוזען מיר, לוידער, זאגען, האט גאר ניט געטאן צו דיזע אלע זאכען. געטאן האט זיא גראדע אלעס פערקערט; געטאן האט זיא דאס זעלבע וואס דיא איבריגע אידישע צייטונגען טהוען: זיא האט געקוקט אויף דיזע אלע אריבערגעקומענע אלס קויפער פון א צייטונג, און זיא האט זיך געסטארעט צו כאפען וואס מעהר פון דיא נייע „קאסטימער". דיא צייטונג איז געווארען זעלבסטצוועק, איהר העכסטע אויפגאבע — דיא צאהל לעזער; איהר איינציגער ציעל — צו מאכען געלד. אין איהר פיבערהאפטער טהעטיגקייט צו כאפען לעזער, צו מאכען געלד, האט זיא אנגעווענדעט דיזעלבע מיטעל, וואס אלע געלדמאכערס ווענדען אן. זיא האט ניט געוואגט צו זאגען איהרע קאסטימער מוסר; וואס איז איהר דאגה וואס דער קאסטימער איז? זיא האט, גראדע פערקעהרט, איהם געשמייכעלט, זיך געבויגען און געווארפען פאר איהם, און דער רעזולטאט איז, אז ניט נור האט זיא ניט ארגאניזירט און צוגעצויגען צו זיך סאציאליסטען, זיא האט דעסארגאניזירט און פערטריעבען דיא פריהעריגע סאציאליסטען. מיצן האט זיי פערטריעבען? ניין? מען האט

זיי ארויסגעטריבען, אָבער ניט פערטריבען. זיי זיינען דאָ, און זיי זיינען געגנער פון'ם „פּאָרווערטס“. זיי זיינען אָבער נור געגנער פון דעם „פּאָרווערטס“ קאָליער, פון זיין געלקייט. זאָל דער „פּאָרווערטס“ איבערפארבען זיין קאָליער פון „געל“ אויף רויט, און ער האָט ניט קיין בעסערען פריינד פון די סאָציאַליסטען. און דאָס איז אייגענטליך דער ציעל פון דיעזען ארטיקעל. מיר גלויבען, דאָס יעצט איז געקומען די צייט פאר דעם „פּאָרווערטס“ צו בייטען זיין קאָליער, צו ווערען א ביסעל רויטליך...

* * *

די לעזער פון די „צוקונפט“ האָבען אַלע געוויס געהערט, אז דער „פּאָרווערטס“ איז בעשאַפען געוואָרען פון אַן אָפּאָזיציאָן צו דעם געוועזענעם „אבענדבלאַט“. עס איז נאָך יעצט ניט די צייט צו שרייבען די געשיכטע פון דיעזע אָפּאָזיציאָן, און מיך אַלס היסטאָריקער וועלען געוויס גאנץ ווייניגע אנערקענען. איך בין געווען צו שטארק בעטהייליגט אין דער אַנדערער זייט. איך וועל דאַהער וועגען דעם ניט ריידען, טראָטץ דעם, וואָס עס איז נאָך יעצט מיין ערנסטע איבערצייגונג, אז דער ערשטער טריט צו די דעמאָראַליזאַציאָן, וואָס מיר זעהען היינט, איז געמאַכט געוואָרען פון יענער אָפּאָזיציאָן. איך וועל דערפאַר נור ריידען פון די נייע „אָפּאָזיציאָן“, אויב מען קען אזא אָרגאַניזירטע אויסברוך פון אונצופריעדענהייט אַנרופען אָפּאָזיציאָן.

די פיהרער פון „פּאָרווערטס“, די, וועמען עס געהט נור אָן די ביזנעס זייטע פון דער צייטונג, און וועלכע האָבען מורא פאר געשעפטסקאָנקורענטען, האָבען א טאַקטיק צו פערמאַכען די אויגען, ווען זיי ווילען מען זאָל זיי ניט זעהן. דער דייטש רופט דאָס: „שטרויספאָגעל פּאָליטיק“. מיר, איך מיין די סאָציאַליסטען, דאַרפען זיך מיט דיעזע טאַקטיק ניט בענוטצען. און אונזערע „ביזנעס“ האָבען מיר קיינע קאָנקורענטען, מיר האָבען פאר קיינעם קיין מורא ניט; מיר קענען, מיר מוזען אָפען און פריי ארויסזאָגען וואָס איז אויפ'ן הארצען. מיר מעגען אַלזאָ אָפען געשטעהן, אז מיר האָבען א נייע אָפּאָזיציאָן.

די געשיכטע ווידערהאָלט זיך!

און, — ווי מארקס זאָגט, — דאָס ערשטע מאָל אַלס טראַגעדיע, און דאָס צווייטע מאָל אַלס קאָמעדיע.

וואָס מען זאָל ניט זאָגען פון די ערשטע אָפּאָזיציאָן, איין זאַך מוז מען צוגעבען: ענטהוזיאַזמוס איז געווען איהר הויפּט כפּרוושינג. אונגערעכט ווי זיא איז געווען, אונאויפריכטיג ווי אייניגע פון איהרע פיהרער זיינען געווען — נאָך מיין איבערצייגונג, — דער גרויסער עולם איז געווען בעגייסטערט ביז די העכסטע שטופע, און דיזע בעגייסטערונג איז געווען פאר צוויי הויפּט פערלאַנגען: דער פערלאַנג נאָך „פרייע פּרעססע“ און „פאָלקס־פערוואַלטונג“. אין דעם גאנצען געשריי, אין דעם גאנצען געלאַך האָט קיין מענש ניט בעשולדיגט די „אבענד בלאַט“ אין פּרינציפּענלאָזינקייט, קיינער האָט ניט אטאקירט די צייטונג אַלס „געלע“, קיינער האָט ניט בעשולדיגט די מענעדזשערס אין אונעהרליכקייט. פּונקט פערקעהרט, די בעשולדיגונג איז געווען, אז זיא לאָזט ניט קריטיקירען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אַלזאָ, אין א געוויסען זין צופיעל פּרינציפּיעל. וועגען עהרליכקייט — האָט אב. קאַהאַן אויסדריקליך געשריבען דאָן אין דער „צוקונפט“, — איז גאָר קיין פראַגע ניט. דאָס וועלכע האָט, שיינט מיר, ווינטשעווסקי אויך ערקלערט. דאָס וועלכע האָט ל. מיללער ערקלערט. דערוועלכער מיללער, וואָס קען אויך א מאָל זאָגען מאנכעס, ווען ער דאַרף אויספיהרען זיין פּונקט, האָט ניט געוואַגט צו ריידען וועגען די עהרליכקייט פון די פערוואַלטונג. איינעם האָט ער אפילו יא גערופען „דזשאַב־סאָציאַליסט“, אָבער דיזער איינער האָט צו יענער צייט גענומען גאנצע פּיערצען דאָל. א וואָך, ...נו, לאָמיר בעסער שווייגען.

די איינציגע פערלאַנגען איז געווען „פרייע פּרעססע“ און „פאָלקס־פערוואַלטונג“. אונזער געשריי, אז אונבעשרענקטע „פרייע פּרעססע“ איז אַן אונמעגליכקייט, אז אויף וויפיעל עס איז מעגליך, האָט עס די „אבענדבלאַט“ געהאַט; אונזערע בעווייזע, אז דער הויפּט אנפיהרער פון די „פרייע פּרעססע“ בעוועגונג, אב. קאַהאַן, איז גראָדע דער איינציגער וואָס האָט אַלע יאָהרען סיסטעמאַטיש אונטערדריקט דאָס פרייע וואָרט, (ווי מען קען עס אויך היינט זעהן, אגב אורחא.) אונזער טענה, אז „פאָלקספערוואַלטונג“ וואָלט געהייסען איבערגעבען א סאָציאַליסטישע צייטונג מיט א גרויסען פערמעגען אין אונפעראַנטוואָרטליכע הענד, — א זאַך, וואָס די אָפּאָזיציאָניסטען האָבען אַליין איינגע־פינגען — דיזע אַלע געשרייען, טענות און בע־

ווייזע האָבען ניט געהאָלפען. דיא סאָציאַלי־ סטען זיינען געווען וויא אָנגע'שיכור'ט מיט דעם געדאנק פון „פרייע פרעססע" און „פּאָלקס־ פערוואלטונג".

דעם רעזולטאט ווייסען אלע: דיא „אבענד בלאַט" איז פערניכטעט, דיא בעוועגונג דעמאָ־ ראליזירט, און אַנשטאַט דעם, האָבען מיר א „פּאָרווערטס" אָהן פרייע פרעססע, אָהן פּאָלקס־ פערוואלטונג, אָהן פעסטע פּרינציפּען, און מען וועט אייך היינט אויסלאכען אין „פּאָרווערטס", ווען איהר וועט רופען א מאן „דזשאָב־סאָציא־ ליסט", ווייל ער נעמט פיערצעהן דאָל. א וואָך.

וואָס איז געוואָרען פון דיזע געוואַלדיגע בעוועגונג? וואָס איז געוואָרען פון דיזע בעוועגונג, וואָס האָט פערניכטעט דאָס „אב. בל." און אויפגעבויט דעם „פּאָרווערטס"? זיא איז צו־ זייט און צושפּרייט אויף אלע שבע ימים.

אָבער הנה לא ינום ולא ישן — ער שלי־ מערט ניט און שלאָפט ניט, דער גאָט פון דיא „פרייע פרעססע"! דורך דיזע אָדער יענע אור־ זאכע האָבען מילער און קאהאן זיך צוקריעגט, האָבען ווינטשעווסקי און קאהאן זיך צוקריעגט, און — דיא „פרייע פרעססע" איז אויפגעשטאַ־ נען תחית המתים. היינט קען מען נאטירליך שוין ניט איבערחזרן דאָס זעלבע, וואָס דאן; היינט קען מען שוין ניט מאכען קיינע „גע־ שפּראָכענע צייטונגען" וויא דאן; היינט קען מען שוין ניט מאכען קיין „מאסקען רעוואָלו־ ציאָנען". דער עולם לאָזט זיך צוויי מאָל אויף דעם זעלבען אופן ניט נארען. דיא ישועה איז אָבער געקומען פון אן אנדער זייט: אַנשטאַט בעגייסטערונג האָבען מיר היינט בעטייסטערונג. און פון דעם שידוך צווישען קריעג און טייסטער איז ארויסגעשפּרונגען דיא ריינע, דיא נאקעטע וואהרהייט. און אונזערע גענאָסען שפּרינגען און טאנצען און זינגען שירה: „אלה אלהיך".

איז דאָס ניט א קאָמעדיע? עס איז א טראגישע קאָמעדיע, אָבער א קאָמעדיע איז עס.

וויא עס שיינט, איז דער גאָט פון „פרייע פרעססע" צופריעדען געשטעלט אזוי שנעל וויא א מנין גענאָססען האָבען דיא מעגליכקייט צו קניען און אויסצוגיסען זייער הארץ פאר דער געטין דער וואהרהייט. ער איז שוין מוחל דיא „פּאָלקס־פערוואלטונג". ער איז שוין צופריע־ דען מיט סטריקטע פּריוואט־פערוואלטונג, אבי נור מען זאָל יעדען טאָג אָבדרוקען עטליכע קיר־ צערע אָדער לענגערע, נארישערע אָדער קליגערע „שטימען פון פאָלק".

איך האָב גאָר ניט געגען דיא „וואהרהייט". אלס א צייטונג מעג זיא זיך עקזיסטירען גע־ זונטערהייט. וועט זיא מיר געפעלען, וועל איך איהר קויפען, אז ניט, ניט, וואָס וועט איהר אודאי ווייניג העלפען אָדער שאדען. וועט זיא האָבען אן ערפאָלג און מאכען געלד, מהיכא תיתא. זיא געהט ניט אויף מיין וועלט; וועט זיא ניט מאכען קיין געלד, וועל איך זיך אויך ניט שטארק נעמען צום הארצען, איך האָב אין איהר גאָר ניט איינגעלייגט. און זאָ פערן וויא זיא איז א צייטונג, קען מיר, אלס מענש וואָס אינטערעסירט זיך מיט אזעלכע זאכען, נאטיר־ ליך א מאָל אויסקומען זיך צו בעשעפטיגען מיט איהר. ווייטער איז זיא פאר מיר ניט מעהר און ניט ווייניגער וויא טויזענד אנדערע אונ־ טערנעהמונגען פון טויזענד אנדערע מענשען. איך בין ניט איהר פיינד און אויך ניט איהר פריינד. ווען אָבער דיא סאָציאליסטען נעמען העלפען דיזע פּריוואט אונטערנעהמונג אויף דעם חשבון פון יענער צייטונג, וועלכע איז אויפגע־ בויט געוואָרען מיט דעם שוויים און בלוט פון דיא ארבייטער, דאן בעקומט דיא זאך אן אנדער פנים, דאן ווער איך א געגנער פון דיזער צײ־ טונג; דאן וויל איך אויפהויבען מיין שטימע אזוי שטארק וויא איך קען נור, צו פּראָטעסטי־ רען, ניט געגען דיזער צייטונג, נור געגען יענע סאָציאליסטען; פּראָטעסטירען געגען דיא, וואָס גיבען אוועק זייער ענערגיע, זייער מאָראַלע שטיצע, זייער רעפּוטאציע צו העלפען פערניכ־ טען דיזע צייטונג, וועלכע איז מיין, וועלכע איז זייער, וועלכע איז אונזער אלעמענס, וועלכע מוז בלייבען אונזערע, וועלכע מוז בלייבען סאָ־ ציאליסטיש!

מען זאָגט דער „פּאָרווערטס" איז דאָס, דער „פּאָרווערטס" איז יענעס. ער איז גע־ שמד'ט און געהאנגען, און דערפאר... דומהיי־ טען! דער „פּאָרווערטס" איז דאָך, וואָס דיא סאָציאליסטען ווילען ער זאָל זיין, און אויב דער „פּאָרווערטס" האָט דיזע אלע חסרונות, — און איך בין דער לעצטער איהם צו פערטהיידיגען, — דאן האָט ער נור דיא חסרונות פון אונזער בע־ וועגונג, דיא חסרונות פון דיא סאָציאליסטען גופא. ווער איז דער מאן, וואו איז דיא קראפט, וואָס וואָלט געקאָנט מאכען פון „פּאָרווערטס" עטוואָס אנדערש וויא דיא סאָציאליסטען וואָל־ טען ווילען? ניין, גענאָסען, אויב דער „פּאָר־

ווערטס" איז שלעכט, דארפט איהר ניט לויפען צו דער „וואהרהייט", לויפט צום „פאָרווערטס"! דאָרט איז אייער פלאַץ, דאָרט איז אייער צייר־טונג, דאָרט זוכט דיא וואהרהייט. פון דאָרט קענט איהר פערקינדיגען דיא וואהרהייט!

אָבער דאָס אליין קענט איהר ניט מאכען מיט זיצען אין דערהיים, און פון צייט צו צייט שריי־בען א בריוועל אין אנאנדער צייטונג. פאר דעם מוז מען ארבייטען! זאָלען אלע סאָציאליסטען אריין אין דיא „פאָרווערטס פרעסס פעדעריי־שאָן"! זאָלען דיא ארבייטער רינג ברענטשעס, זאָלען דיא ברענטשעס פון „בונד" דיא זאך בע־שפּרעכען! זאָלען דיא סאָציאליסטען מאכען דעם „פאָרווערטס" צו זייער אויפגאבע! מיר מוזען אלע אונטערשטיצען דעם „פאָרווערטס", מיר מוזען זעהן איהר צו מאכען גרויס, רייך און איינפלוסרייך. אָבער מיר דארפען זעהען, אז זיין איינפלוס זאָל זיין אין דעם ריין סאָציאליסטי־שען זינען. פיעל לעזער איז א גוטע זאך, אָבער דיא צירקולאציאָן טאָר ניט זיין אונזער העכסטע אויפגאבע. איך גלויב ניט אין „פאָלקס־פער־וואלטונג". ווען דיא צייטונג בעלאנגט צו אלע־מען, בעלאנגט זיא צו קיינעם ניט. איך גלויב אָבער אין פאָלקס־קאָנטראָלע. זאָלען דיא אידישע סאָציאליסטען פון ניו־יאָרק זיך אָרגאַ־ניזירען צו קאָנטראָלירען דיא צייטונג. דער בעסטער פלאץ פאר דעם איז דיא „פאָרווערטס פרעסס פעדעריישאָן". זאָלען זיי בעזייטיגען דיא פעהלערען פון „פאָרווערטס", זאָלען זיי דאן (דאן און ניט פריהער) אריינגנעהמען „דיא צוקונפט" אין זייער רשות. און מיט'ן „פאָר־ווערטס" יעדען טאָג, מיט דעם „צייט־גייסט" יעדע וואך און מיט דער „צוקונפט" יעדען חודש, וועט זיך דיא סאָציאליסטישע שטימע לאָזען הערען מדי יום ביומו, מדי שבת בשבתו, מדי חודש בחדשו.

איך רוף צו אלע אידישע סאָציאליסטען פון ניו יאָרק און אומגעגענד: קומט אלע אין „פאָרווערטס", איבט אויס אייער איינפלוס, און אונטערשטיצט דעם „פאָרווערטס"!

לאָמיר אלע צוזאמען אויפבויען א נייע, א לעבעדיגע, אן ערנסטע, אן עהרליכע און ציעל־בעוואוסטע סאָציאליסטישע בעוועגונג.

יעקב מילך.

דיא בלוטיגע איינווייהונג

איך האָב אַ ווילדען טרוים געהאַט....
איך בין געשטאַנען אין אַ וויסטען טהאָל,
אַ ברייטע גרוב פון פעלזען איינגעשלאָסען....
אַ חשכנים געדיכט און שטיקעדיג,
און שווער וויא בליי פאַרגליווערט האָט דיא לופט,
און וויא דער קוואַק פון זשאַבעס אין אַ זומפּ,
באַלד דומפּף געהילכט, באַלד שטום געוואָרען,
איז פון אַ טויזענד שטערבענדע דער קרעכץ...

איך בין דער איינציגער געוועז,
וואָס האָט געלעבט, צי בלויז געזשאפּעט נאָר;
מיין אטהעם־צוג דער איינציג הויך,
פון וואַרעמקייט — און טויט און קעלט אַרום...
און מיך אַלליין מיין אטהעם האָט געשטיקט,
מיט שוועבעל און מיט גיפט־גערוך...

און דורך דיא פינסטערניסס געגלאצט,
דיא שטערען האָבען אָהן אַ שיין, אָהן ליכט,
וויא גרויסע פונקעלדיגע אויגען,
מיט בלוטיג־רויטע אָדערען פאַרלאָפען...
און פּלוצלינג איז אַרויסגעוואַקסען
פון אונטער מיר אַ ריזיגע געשטאַלט —
איך האָב איהר ניט געזעהן, זיא איז
פאַרהיללט געווען, כ׳האָב בלויז געזעהען איהר גרויס....

דאַן שטרעקענדיג אַ האַנד צום שוואַרצען הימעל,
ארויסגעפליקט האָט די געשטאַלט אנ׳אויג,
אַ רויטען פינקעלדיגען שטערען,
וואָס האָט זיך שנעל צופלאַקערט אין אַ פלאַם,
און טראָגענדיג דעם שטערען אין דער האַנד,
ארומגעשפּרייזט האָט דורכ׳ען וויסטען טהאָל...

און כ'האָב דערזעהן פאר זיך אַ פעלד,
מיט טויזענדער הרוגים אַנגעוואָרפען,
געפאַקט אזוי געדיכט אז ס'האָט מיין אויג,
קיין איינציגען בעזונדער ניט געזעהן....
איין גרויסע בלוט-געפארבטע מאַססע בלויז,
געצוקט האָט אין די לעצטע טויט-יסורים,
איין גרויסע גוסס'ע באשעפעניסס,
געקייקעלט זיך אין קראמפף פון פיין.

דאַן האָט די ריזיגע פיגור,
פון ערגעץ וואו ארויסגעשלעפט א כוס,
און בייגענדיג זיך צו די טויטע קערפערס,
ארויסגעקוועטשט פון איטליכען אַ טראָפען,
ביז פולל געוואָרען איז דער בעכער,
מיט פורפער רויטען בלוט צום ראַנד...
דאַנן האָט זי אויפגעהויבען הויך,
דעם אָנגעפיללטען בעכער און איך האָב,
דערהערט אַ קול ניט וויסענדיג פון וואַנען,
אַ קדוש-קול ווי פונ'עם מתים-לאַנד....

"מיט מענשענזאַפט איז פולל מיין כוס,
"מיט רויטען בלוט פון קדוש-גלאָז,
"די גרויססע צוקונפט,, מיט דעם וויין,
"פון יונגע לעבענס, ווייה איך איין....

דאַן איז פאַרשוואונדען די געשטאַלט,
דער שטערען האָט זיך אויסגעלאָשען,
און ווי דער קוואַק פון זשאַבעס אין אַ זומפ,
באַלד דומפ געהילכט באַלד שטומם געוואָרען,
איז פון א טויזענד שטערבענדע דער קרעכץ...

דענעווער, דעצ. 10 1905. יהואש.

ער און מאכס און „די שעהנע העלענא“

אין סמארגאן האט מען זי גערופען לאה, דא, אין ניו יארק, לינא און ער רופט זי „שעהנע העלענא“.

דיזער נאמען איז איהר שטארק געפעלען, רופט ארויס א בעזונדערער פערגע־ניגען אין איהר יונגער, לעבעדיגער נשמה און ווען נור ער רופט זי אזוי, מיט דעם נאמען, צולאכט זי זיך מיט איהר זילבערנעם געלעכטער, וואס צוגיעסט זיך איבער דער פאבריק, ווי די העלע טענער פון א זילבערנעם גלעקעלע און וועלכער קלינגט אין זיינע אויערען, ווי דאס פריילאך סוויסטשערען פון א פויגעלע.

„שעהנע העלענא, שעהנע העלענא“ — רעדט זי איבער מיט א קאקעטישען שמייכעל, פערדרייסט די אויבערשטע ראזאווע ליפ און שטעלט ארויס איהרע ווייסינקע שארפע ציינ־דעלאך, אדער שטעלט איהם ארויס מיט א גנב'ישע מינע א שפיטץ פון איהר ראזאווען צינגעלע: — „אוי פאעט, פאעט! כא! כא! כא!“

ער איז יונג, צווי און צוואנציג יאהר אלט. ער ליעבט איהר געלעכטער, ליעבט זי אין גאנצען, ליעבט מיט דעם גאנצען זוד פון זיין יונגער נשמה, מיט דעם גאנצען פייער פון זיין נערוועזער נאטור.

ער איז א יודישער שרייבער, שרייבט פיר יודען... קיין אנדערע פריינד, חוץ זיין פעדער, קיין אנדערע פערגעניגען, חוץ זיין שרייבען, האט ער ניט אין אמעריקא.

אין אמעריקא איז ער ארום אכט חדשים, פיהלט זיך דא עלענד, אליין... בענקט נאך רוס־לאנד, בענקט נאך זיינע עלטערן אין יעליסא־וועטגראד, נאך די ימים טובים אין זיין עלטע־רען'ס הויז, כאטש אין דער היים האט ער פון זיי ניט געהאלטען; בענקט נאך אלעמען און נאך אלעם, וואס האט זיך אפגעשטעלט דארט, דארט, וואו זיין מאמע האט איהם געלוילעט אין וויגעלע, וואו זיין קינדהייט אהן זארגען האט זיך געפרייהט און געשפיעלט זיך, וואו ער האט געליעבט און מען האט איהם געליעבט.

דארט האט ער זיך געלערענט אין גימ־נאזיום, דארט האט ער געלעזען מיט התלהבות די גרויסע רוסישע שרייבער און דארט האט ער גע'חלום'ט צו ווערען אליין אמאל א גרוי־סער רוסישער שרייבער.

אמאל, שפעטער, שפעטער. ווען דער „פריהלינג“, דער אמת'ער, דער געבענשטער פריהלינג, וועט דערווארעמען די פארשטארטע אברים פון רוסלאנד, דעמאלט וועט ער שריי־בען... דערווייל האט ער צו טהון אנדערע זא־כען, א סך וויכטיגערע זאכען...

און איינמאל האט מען איהם ארעסטירט אין מיטען גאס. ער איז דעמאלט אלט געווען 19 יאהר. א ניי לעבען האט זיך פאר איהם אנגעהייבען, א געהעצט לעבען. פון טורמע אויף די פרייהייט און פיר די פרייהייט צוריק אין טורמע. אזוי זיינען אוועק א פאר יאהר, ביז עס האבען איהם גענומען ווינקען די ווייטע מקומות, דעמאלט האט ער פערלאזען רוסלאנד און איז אוועק נאך די פרייע אמעריקא.

געקומען אין ניו יארק אהן א כענט ביי דער נשמה און אהן אנ'אומנות אין האנד, האט ער א לאנגע צייט ניט געוואוסט צו וואס מע נעמט זיך; האט געליטען אי הונגער, אי קעלט.

און איינמאל איז איהם איינגעפאלען א רעיון אין קאפ: ער וועט פרובירען אנשרייבען אן ערצעהלונג אין יודיש, אפשר וועט איהם גע־לינגען זי אפצודרוקען אין איינער פון די ניו

יארקער יודישע צייטונגען — באטש וויפיעלעס־איז פערדינען!

ער האט אנגעשריעבען אנ׳ערצעהלונג אין איז מיט איהר געקומען אין רעדאקציע פון אן יודישער ארבייטער צייטונג.

דעם רעדאקטאר, א רוסישען אינטעליגענטען יודען, איז די ערצעהלונג געפעלען געווארען אין, צום גליק אדער צום אומגליק פון אונזער צרהמאנ׳ען, האט ער זי אבגעדרוקט אין זיין צייטונג די זעלבע וואך נאך, און צרהמאן האט פיר איהר בעקומען דריי דאלער מזומנים בעצאהלט.

עס איז שווער צו זאגען, מיט וואס אונזער אויסגעהונגערטער שרייבער האט זיך דעמאלט מעהר דערפרייהט: צו מיט די דריי דאלער, וואס האבען איהם פערזארגט מיט עסען אויף א גאנצע וואך אין א ביליגען צעהן סענטיגען רעסטאראנט אויף עסעקס סטריט, צו מיט דעם, וואס זיין ערצעהלונג האט מען אפגעדרוקט, נור ער איז געווען גליקליך, גליקליך, וויא נאך קיינמאל, דאכט זיך, אין זיין לעבען.

צום רעדאקטאר האט ער דערפיהלט אזא ליעבע, אזא דאנקבארקייט, פונקט ווי ער וואלט געווען זיין גוטער מלאך, און אז ער, צרהמאן, הייסט עס, וואלט זיך דעמאלט ניט געשעהמט, וואלט ער געלאפען צום רעדאקטאר און וואלט זיך איהם אויפ׳ן האלז געווארפען, אזוי איבערפיהלט איז געוועז זיין הארץ מיט גוטע, ווארעמע געפיהלען פון גליק און ענטציקונג...

נאך מיט א קורצע צייט צוריק, אז אימיצער זאל איהם פרעגען, אויב עס וואלט איהם בעפרידיגט צו זיין א יודישער שרייבער, וואלט ער זיכער געזאגט, אז ניין. ווארום פון רוסלאנד אויס איז ער געוועהנט געוועזען צו בעטראכטען די יונגע יודישע ליטעראטור ווי א בר־מנן אהן א צוקונפט און אהן א פארגאנגענהייט.....

איצט אבער האט זי, די יודישע ליטעראטור, הייסט עס, מיט אמאל אנגענומען בלוט און פלייש, א נשמה האט זי פלוצים געקראגען, די ביז איצט טויטע באשעפעניש, און א שעהנע, א הערליכע, פול מיט נצחון, האט זי זיך געטראגען פיר זיינע אויגען...

„א ליטעראטור, וואס האט הונדערטע טויזענדער לעזער“ — האט ער זיך איצט דערמאנט אויף די ווערטער פון א יודייטען „פאליטישען“, מיט וועמען ער האט אמאל אין דער רוסישער טורמע געהאט א ויכוח וועגען די יודישע ליטעראטור — „אזא ליטעראטור קען ניט זיין קיין טויטע“.

„אמת, אמת!“ האט ער איצט פון גאנצען הארצען מסכים געווען מיט יענעם און האט זיך געוואונדערט: ווי אזוי האט ער דעמאלט ניט פערשטאנען אזא קלארע זאך...

„געוויס האט די יודישע ליטעראטור א גרויסע צוקונפט“ — האט זיין מוח געארבייט — „אזוי פיעל מיליאנען יודען... מע קען זיי מאכען פאר לעזער... מיט וואס איז פלאטדייטש שענער פון יודיש און דאך לייקענט קיינער ניט אז די פלאטדייטשע ליטעראטור איז א ליטעראטור. דער עיקר איז: גוטע ליטעראַרישע קרעפטען...

ווי האט די רוסישע ליטעראטור אויסגעזעהן פאר פושקין און לערמאנטאוו?. אויפ׳ן שיף קיין אמעריקע איז ער געפאהרען מיט עטלעכע נארוועגער... ער האט זיך צוגעהערט צו זייער שפראך: אויך א מין צו׳הרג׳עטער זשארגאן! און דאך האבען אנ׳איבסען א ביערנסאן געפונען אין איהר די רייכסטע פארבען, די רייכסטע טענער פיר זייערע ווערק...

די ענגלישע שפראך, וואס איז אויך א מין זשארגאן, צונויפגעשטעלט פון פערשיידענע שפראכען, און וואס קלינגט אין זיינע אויערען ווי א מין טאראבארשצינע,—זי האט אויך געהאט איהר שעקספיר, איהר בייראן און איהר שעללי... אפילו א הילצערנער אינכטרומענט קען ארויסגעבען די רייכסטע, די שענסטע טענער, ווען עס שפיעלט נור אויף איהם א גוטער שפיעלער... די הויפט זאך איז דער שפיעלער. און ווען די יודישע ליטעראטור וועט האבען אזעלכע שרייבער ווי איך“ — האט ער געטראכט מיט התפעלות — „ווען זי וועט האבען א סך אזעלכע ערצעהלונגען, ווי די דאזיגע מיין געדרוקטע, וועט זי אהן ספק האבען א גרויסע צוקונפט“...

אין דעם דאזיגען טאג, ווען עס איז ערשינען זיין ערצעהלונג אין דער צייטונג „וועג ווייזער“, איז צרהמאן ארומגעלאפען איבער די רוישענדיגע און ענגע גאסען פון דער ניו יארקער גהעטטא, האט זיך אפגעשטעלט לעבען די פערקויפער פון צייטונגען און האט זיך איינגעקוקט, וואס פיר א צייטונגען פערקויפען יענע. זיין הארץ האט זיך געצאפעלט פון אנ׳אנגענעהמער אויפרעגונג, ווען ער האט געזעהן, אז איינער האט געקויפט די צייטונג, וואו עס איז געווען געדרוקט זיין ערצעהלונג, האט געקוקט

אויף דעם קויפער, ווי אויף א קלוגען פארטגע־שריטענעם מענשען, וועלכער פערשטעהט, וואס צו לייענען, און האט געפיהלט א שטארקען פערדרוס, ווען ער האט געזעהן, אז אנדערע קויפען ניט די צייטונג, וואו עס איז געדרוקט זיין ערצעהלונג... „ווען אימיצער וואלט זיי אויפמערקזאם געמאכט אויף מיין ערצעהלונג, וואלטען זיי זיכער געקויפט דעם „וועג־ווייזער" — האט ער געטראכט מיט פערדרוס. און בע־מערקט, אז מאנכע תושבים פון דער געהעטא האבען גאר געקויפט ענגלישע צייטונגען, איז ער צומישט געווארען, האט זיך ניט אויף צו פליי־סען דערשראקען פיר די צוקונפט פון דער יודישער ליטעראטור... אבער דיזער שרעק האט ביי איהם געדויערט ניט לאנג: דערזעהן, ווי א יודישער ארבייטער, קויפענדיג דעם „וועג־ווייזער", האט איהם צונומען און אנגעהייבען צו קוקען אויף די ערצעהלונג, אונטער וועלכער עס איז געווען אונטערגעשריעבען א נייער, אונבעקאנטער „צרהמאן" (דערביי האט זיך פיר אונזער שריי־בער'ס אויגען פריילאך און לאכענדיג, דאכט זיך, דורכגעטראגען זיין נאמען א. צרהמאן, ווי ער איז געדרוקט געווען אין צייטונג, מיט ניי־עם שריפט) האט צרהמאן שוין מעהר ניט געצווייפעלט אין די לאנגע יאהרען פון דער יודישער ליטעראטור און זיין אייגענעם טהייל־נעהמען אין איהר...

אט פון דיזער צייט אן איז צרהמאן געווא־רען א יודישער שרייבער...

דער רעדאקטאר פון דער ארעמער ארביי־טער צייטונג האט אבער ניט אלע מאל געקענט צאהלען מיט מזומנים... א סך מאל האט ער געצאהלט מיט א דאנק און פיעל מאל מיט דאס אויך ניט... ווארום ער האט גערעכענט, אז עס איז דער הייליגער חוב פון די פארטגעשריטענע שרייבער צו ארבייטען אין דעם „וועג־ווייזער," וואס ווערט ארויסגעגעבען אויף די ארעמע סענ־טען פון די ארבייטער, אהן געצאהלט... און צרהמאן האט, צו אלל די רוחות, געהאט א מא־גען, ווי א געוועהנליכער בשר ודם, און מיט חובות, אפילו מיט הייליגע, האט ער, צרהמאן'ס מאגען הייסט עס, אויך ניט געקענט זאט זיין... אמת, ער האט געקענט שרייבען פיר די אנדערע יודישע צייטונגען אין ניו־יארק, וועלכע זיי־נען רייך און צאהלען ניט שלעכט, אבער יענע צייטונגען פארשפרייטען פינסטערנעש אין דער יודישער געהעטא, פערקויפטע שרייב־קנעכט שרייבען אין זיי: ניין, ער וועט בעסער הונגע־רען, איידער צו שרייבען אין יענע צייטונגען, אן ארבייטער וועט ער בעסער ווערען, אין פאב־ריק וועט ער ליעבערשט געהן...

און ער איז אנגעקומען אין א פאבריק פון מענערשע העמדער און האט זיך געזעצט ארביי־טען מאנזישעטען...

די ארבייט איז ביי איהם ניט געגאנגען, פיר קיין פאל איז ביי איהם ניט ארויסגעקומען קיין „לייטישער" מאנזשעט.

די ערשטע צייט, אז ער איז אנגעקומען אויפ'ן פאבריק, האבען איהם די ארבייטער, וואס זיינען געזעסען ניט ווייט פון איהם נעבען די מאשינען, געלערענט, ווי צו ארבייטען, אי־בערהויפט איינע א יונגע ארבייטערין מיט'ן נא־מען לינא, וואס איז געזעסען די צווייטע פון איהם לעבען איהר מאשין. שטונדען־ווייז האט זי איהם געלערענט, ווי צו מאכען א „לייטישען" מאנזשעט.

— „אט זעהט — פלעגט זי איהם ערקלערען מיט איהר הילכעדיגען העלען קול, ארויסנעהמענדיג פון א קעסטעלע נעבען זיין מאשין צוגעשניטענע סחורה פיר א מאנזשעט:

— מע נעהמט עס אט אזוי. (דערביי גלייכט זי אויס מיט א פלינקער בעוועגונג די צוגעשניטע־נע סחורה מיט איהרע קליינע ווייסע הענטלאך און לייגט זי צונויף אין דער פארמע פון א מאנזשעט) דאן לייגט מען דאס אוועק אונטער'ן נאדעל... אט אזוי... (זי טהוט א דרעה צוריק די רעדעל פון דער מאשין, די נאדעל הויבט זיך אויף און זי לייגט אוועק אונטער איהר דעם צונויפגעלייגטען מאנזשעט) און איצט האלט מען צו די סחורה מיט די צוויי פינגער, אט אזוי א־א! (זי נעהמט אריין די סחורה צווי־שען דעם גראבען און דעם מיטעלכטען פינגער, מיט דער אנדער האנד טהוט זי א דרעה די רע־דעל פון דער מאשין צוריק, אום די נאדעל זאל זיך ארונטער לאזען אויפ'ן מאנשעט) איהר פערשטעהט הא? און איצט דריקט מען אן מיט דער רעכטער פוס דעם טרעטער פון דער מאשין און האידא, מע „פאהרט"!...

און געזאגט דאס, בייגט זי זיך צו צו דער מאשין, דריקט אן מיט דער פוס דעם טרעטער פון דער מאשין, וואס ווערט געטריעבען פון עלעקטריק, און די מאשין זזשעט, רוישט און נייהט... די ווייסע הענטלאך פון לינא'ן מיט'ן מאנזשעט באוועגען זיך אונטער דער נאדעל, וואס פליהט ארויף און אראפ, קלאפט, דומפף

איבער דעם נאָט פון דעם מאנזשעט, און אין א מינוט ארום נעהמט ארויס לינא פון אונטער'ן נאָדעל א פארטיגען מאנזשעט, טהוט איהם א גלעט מיט דער האנד און ווענדעט זיך צו צרה־מאן'ען.

— נו, אָט איז אייך די גאנצע שווערע תורה! איצט פערשטעהט איהר? דאָס איז דאָך אזא פשוט'ע זאך, קיין מיניסטערשען קאָפּ דארף מען, דאכט זיך, ניט האָבען, אום צו פער־שטעהן די תורה!

און געזאָגט עס, צולאכט זי זיך מיט איהר העלען, זילבערנעם געלעכטער, פערקאשערט איהר אויבערשטע ליפּ און שטעלט ארויס איה־רע ווייסע שארפע ציינדעלאך.

ער קוקט אויף איהר ווי מיט פערוואונדער־טע אויגען, מיט א נארישען אויסדרוק אויף זיין בלייבען פנים, קוקט און טראכט: „וואָס פיר א ליבינקע זי איז, וואָס פיר א גוטינקע! וואָס פיר א שעהנע בלויע אויגען זי האָט, ווי שעהן זי פערקאשערט די ליפּעלע, ווי ליעב קוקט אויב איהר פעררייסען נעזעלע!.. ווי שען זי איז, ווי יונג, ווי ריין, ווי קינדערש ריין... א בלום איז זי, אַנ'אמת'ע בלום, און פארוועלקט וועט זי ווערען, פארוועלקט אין דער שטענדיגער געפּרעסטער לופט פון פאבריק!. און בעת דעם פיהלט ער, ווי אין זיין נשמה הייבען זיך און ציהען זיך צו איהר אזוינע גוטע, וואַרעמע גע־פיהלען, בעגלייט פון א מין בענקעניש...

„א דאנק... איך דאנק אייך... — מורמעלט ער און שמייכעלט פארשעהמט — איהר זייט זעהר גוט... איצט וועל איך אליין פּרובירען... דאכט זיך, אז איצט וועל איך קענען"... און דער זעלבער צייט טראכט ער: „ווייס זי, אז איך בין א שרייבער? אפשר קען זי גאַר אין גאנצען ניט לעזען קיין יודיש!."

פון דעם לעצטען געדאנק טהוט איהם וועה...

ער זעצט זיך א צוטראַגענער צו דער מא־שין, נעהמט אריין די צונעשניטענע סחורה אין האנד און מארטערט זיך צונויפצולייגען דעם מאנזשעט.

לינא שטעהט פון הינטען, אריבערגעבויגט זיך איבער זיין אקסעל, און קוקט זיך צו, ווי ער נעהמט זיך צו דער ארבייט. ער פיהלט איהר ווארעמען אטהעם אויף זיין פנים, ווערט ער צומישט און רויט ווי א הדר־יונגעל, שוויצט און קען פאר קיין פאל ניט צונויפלייגען דעם מאנ־זשעט, ווי געהעריג...

זי קוקט, ווי ער מארטערט זיך מיט דעם און א גנב'ישער שמייכעל ציטערט אויף איהר שען, יונג, כמעט קינדערש פנים, און פון איהרע אויגען שפּריצט א ממזר'יש געלעכטער. זי קעהרט אָפּ דעם קאָפּ פון צרהמאן'ען, טהוט א ווינק צו די ארבייטער ארום, וויל לאכען אויפ'ן קול און האלט זיך איין, פארשטעלט דאָס מויל מיט איהרע קליינע ווייסע הענטעלאך און לאכט אין די הויפּענס...

צרהמאן פיהלט עס און ווערט נאָך מעהר צומישט...

אויפ'ן סוף נעהמט זי די אויפגעלייגטע סחורה פון זיינע הענד, לייגט פון איהר צונויף א מאנ־זשעט און, ארונטערגערוקט אונטער די נאָדעל, מאכט זי:

— איצט נעהט!

ער בויגט זיך צו צו דער מאשין, טרעט ארויף מיט דער פוס אויפ'ן טרעטער פון דער מאשין און דריקט איהם מיט אלע כוחות, און די מאשין נעהמט ארבייטען משוגענערווייז, בייזערט זיך, ליארעמט ניט מיט איהר קול, קלאפּט מיט'ן נאָדעל אי איבער'ן מאנזשעט אי איבער'ן טיש, צורייסט די פאָדים און צופלאָנ־טערט אלעס... צרהמאן קוקט אויף די מאשין מיט אויסגעגלאָצטע, צושראָקענע אויגען, וויל מיט די הענד אָבשטעלען דאָס רעדעל פון דער מאשין, נעהמט אָבער ניט ארונטער די פוס פון דעם „טרעטער" און פערשטעהט זיך, אז די מאשין „ארבייט", ווי פריהער...

לינא האלט זיך מיט ביידע הענד פאר די זייטען, שאָקעלט זיך אויף די פיס, לאכט און שרייט:

— נעהמט ארונטער די פוס פון טרעטער! אוי מאמעלעך, איך וועל פּלאַטצען!. קיין כוחות ניטאָ מעהר צו לאכען!. כא, כא, כא!

דער ארבייטער, וואָס זיצט דער צווייטער פון לינא'ן, „מאקס די עופה'לע". ווי די ארביי־טער פון פאבריק האָבען איהם גערופען — א הויכער יונגער מאן מיט ברייטע פּלייצעס, מיט א גלאַט ראזירטען, פליישיגען, פּערגרעבטען פּנים, מיט קליינע פלינקע און כיטרע אויגעלאך און מיט א שווארץ־געקרויזטען קאָפּ, א יונגער־מאן א גבור אויפ'ן אויסזעהן, — שפּרינגט אויף פון זיין אָרט, לאכט אויף א באַס־שטים, לויפט צו צו צרהמאן'ען, שלעפּט אראָפּ זיין פוס פון דער מאשין און זי בלייבט שטעהן...

— מיסטער־לעבען — רעדט ער אויף זיין באס און שטיקט אין זיך דעם געלעכטער—

ווייטער, אז איהר וועט וועלען אזוי טרייבען די מאשין, זאָלט איהר זיך פריהער מיט אונז אָפּזעגענען, ווארום די מאשין קען נאָך מיט אייך אוועקפאָהרען קיין יוראָפּ!...

דערביי טהוט ער כיטרע א ווינק צו לינא'ן, יענע צולאכט זיך נאָך שטארקער, לויפט צו צו איהר מאשין, ווארפט זיך אויפ'ן שטול, גראָבט איין דעם פּנים אין טישעל פון דער מאשין, לאכט, לאכט און ציטערט אויף מיט איהרע רונדע פּלייצעס...

צרהמאן ווערט נאָך מעהר צומישט און מאקס די עופה'לע הייבט איהם אָן צו ערקלערען די טהעאָריע פון ארבייטען מאנזשעטען אויף אנ'עלעקטרישער מאשין...

2

עס איז אוועק א חדש. צרהמאן האָט זיך ווי־עס־איז אויסגעלערענט צו מאכען א מאנזשעט, ער האָט אָבער געארבייט זעהר לאנגזאם... בעת אלע האָבען געקענט אויסארבייטען מאנזשעטען פיעל צעהנדליגע דוצענד א טאָג, האָט ער מעהר, ווי צעהן דוצענד ניט געקענט אויסארבייטען. די ארבייטער, וואָס האָבען שוין געוואוסט, אז ער איז א שרייבער, האָבען געקוקט אויף איהם, אנדערע מיט רחמנות און אנדערע פּשוט, ווי אויף א שלימזלניק... דער פאבריקאנט אליין מיסטער קאָהען, א דייטשער יהודי, א דיקער, א רונדער, ווי א פעסעל, מיט א פליכעוואטען קאָפּ און מיט געלע באקענבארדען, א יוד פון מיטעלע יאָהרען, האָט אויך געוואוסט, אז צרהמאן איז א שרייבער און האָט אָפּט האָלט געהאט צו מאכען פון איהם שפּאס און דערביי טאקע אויך ארויסווייזען, אז ער אליין, מיסטער קאָהען, הייסט עס, ווייס אויך פון שרייבער און שרייבעריי...

גאנץ אָפּט פלעגט ער צוגעהן צו צרהמאן'ס מאשין און אוועקשטעלען זיך קוקען, ווי יענער ארבייט. אויף זיין דיקען פּנים מיט די געלע באקענבארדען פלעגט זיך צושפּרייטען א ברייטער שמייכעל און זיינע קליינע אויגעלאך אונטער לאנגע געלע ברעמען פלעגען כיטרע לאכען. ביי צרהמאן'ען פלעגט די ארבייט זיך טרייסלען אין די הענד, ווען ער, דער פאבריקאנט הייסט עס, פלעגט צו איהם צוגעהן... דעמאָלט פלעגט ער זיך מאַרטערען בעסער צו ארבייטען, שנעלער און, ווי אויף צולהכעיס, פלעגט זיך ביי איהם ארבייטען ערגער, א סך ערגער, אפילו ווי געוואוינליך, ווייל ער פלעגט פיהלען דעם פאבריקאנט'ס אויגען אויף זיינע הענד...

ער פלעגט זיך אויפרעגען און אויף זיין בלייכען פּנים און אין זיינע גרויסע פער'חלום'טע, טרוירעריגע אויגען, פון וועלכע עס האָט, דאכט זיך, ארויסגעקוקט דער וועלט־שמערץ אליין, פלעגט פערגליווערט ווערען א רחמנות'דיגער שמייכעל.

דער ברייטער שמייכעל אויף מיסטער קאָהען'ס פּנים מיט די געלע באקענבארדען פלעגט זיך צושפּרייטען ברייטער, פון איין באקענבארד, דאכט זיך, ביז דער צווייטער, און פערזשמורעט די קליינע, לאכעדיגע אויגעלאך אונטער די לאנגע געלע ברעמען, פלעגט ער זאָגען:

— זי שוויצען מיסטער צרהמאן, הע? וואָס העטטע איהר קאָלעגא היינריך היינע, אָדער דער בערטאָלד אויערבאך געזאָגט... זיי קענען דאָך די לייטע, וואהרשיינליך?. דער היינע האָט „דאָס בוך דער ליעדער" געשריעבען און דער אויערבאך דעם ראָמאן „אויף דער העהע". יא, אויך דיכטער, איך מיינע דאָך!. אלזאָ, וואָס העטטע קאָלעגא היינע געזאָגט, וואן ער זאָלטע זעהן דעם קאָלעגא צרהמאן זאָ שווער שאפּען אין אמעריקא?. כע, כע, כע, אמעריקא, הע?...

דיזער ביטערער שפּאס פלעגט צרהמאנ'ען בעליידיגען ביז דעם טיעפסטען ווינקעלע פון זיין נשמה און אָפט מאָל פלעגט זיך פון דאָרט רייסען א פערצווייפעלטער ענטפער דעם פאבריקאנט, א ענטפער, פול ביטערקייט און גאל; אָבער דיזער ענטפער פלעגט פערשטיקט ווערען, איידער ער פלעגט דערגרייכען צרהמאן'ס בלייכע ליפּען: פיר צרהמאן'ען פלעגט אויפלעבען דער גוט בעקאנטער שרעקליכער געשפּענכט פון הונגער און קעלט און דער ענטפער פלעגט פערשטיקט ווערען ביי איהם אין האלז. ער פלעגט שווייגען און דער פארגליווערטער רחמנות'דיגער שמייכעל פון אונבעהאָלפענקייט פלעגט נאָך שארפער ארויסטרעטען אויף זיין בלייכען פּנים און אין זיינע גרויסע, פער'חלום'טע, טרוירעריגע אויגען.

און א סך מאָל, אז מיסטער קאָהען האָט געהאט פיעל בעשטעלונגען אין זיין פאבריק, פלעגט ער צוגעהן צו צרהמאן'ען מיט כעס און פלעגט זיך אויף איהם ארויפווארפען אָהן צערעמאָניעס:

— זי מוסען שאפען שנעלער, מיסטער צרהמאן זאָנסט שיק איך זי וועג. זי פערנעהמען אומזאָנסט איינען פּלאַטץ. פערשטאנדען?

און געזאָגט עס, פלעגט מיסטער קאָהען אוועקלויפען ווייטער מיט א פּנים, רויט וויא א בוריק פון אויפרעגונג...

„פאַרוואָס שיקט ער מיך ניט אוועק — פלעגט אין אזא צייט טראַכטען מיט פערצווייפלונג צרהמאַן — „פאַרוואָס שיקט ער מיך ניט אוועק? פאַרוואָס געה איך אליין ניט אוועק? וואו איז מיין אמאָליגער כאראקטער? וויא קען איך אזוי פיעל דולדען פון אזא בלוטזויגער? דאָ איז דאָך פיעל ערגער, ווי אין די פריהערדיגע טורמעס!... די קנוטע פיהלט מען דאָך אין דער „פרייער טורמע" פיעל שאַרפער, ווי אין יענע!..."

און מיט נאָך גרעסערער פערצווייפלונג האָט ער געפיהלט, אז מיט זיין אייגענעם ווילען וועט ער ניט פערלאָזען דיזע פרייע טורמע און ווען מיסטער קאָהען זאָל איהם חס ושלום אוועקשיקען, וועט ער, צרהמאַן, הייסט עס, זיך פיהלען נאָך אונגליקליכער....

אין אזא צייט פלעגט ער זיך ניט דערקענען: וואו איז ער, דער אמאָליגער צרהמאַן, מיט זיין מוטה און ענטשלאָסענהייט פון רוסלאַנד? דיזער איז גאָר אנאנדערער, א קליינינקער, א שוואַכינקער, אָהן מוטה און פעסטען ווילען, א שמאַטע, א שרעקליכע שמאַטע!...

ער פלעגט זיך דערמאָנען, אז דאָרט, אין יענע טורמעס, האָט ער א סך מאָל געהונגערט און פיעל מאָל מיט זיין אייגענעם ווילען א סך טעג נאָכאַנאַנד, ווען ער מיט נאָך אנדערע האָבען געוואָלט עפּעס אויספיהרען... פאַרוואָס זשע שרעקט ער זיך איצט אזוי פאַר'ן הונגער?

„א שמאַטע, א שמאַטע" — פלעגט ער זיך אליין מוטשען — „א שמאַטע! דאָרט בין איך געווען אן אָדלער, האָב זיך געריסען אונטער דיא בלויע שיינע הימלען און דאָ בין איך א שטילע טויב מיט אונטערגעהאַקטע פליגלען, וואָס קען זיך ניט אויפהייבען העכער פון דער ערד.... און אפשר איז עס דערפאַר" — פלעגט ער אמאָל געפינען א זכות אויף זיין איצטיגען צרה'דיגען „איך" — ווייל „אין דער היים" איז דער הימעל אזוי טהייער, רייסט מען זיך צו איהם און דאָ האָט נור דיא ערד א ממשות, דיא ערד, וואָס האָט פערשלונגען דעם שענעם הימעל?..."

און מוטשענדיג זיך אזוי, פלעגט איהם ווערען אזוי שווער אויפ'ן הארצען, אז עס פלעגט זיך איהם פאַרוועלען וויינען. זיין טאַטענס הויז פלעגט זיך איהם דערמאָלט פאָרשטעלען, זיין טאַטע־מאַמע... און עס פלעגט זיך איהם דאַכטען, אז זיי קוקען אויף איהם, קוקען און וויינען: „אבראַשא, טהייערער זוהנעניו, וואָס דו האָסט נעבאָך אויסגעפיהרט!... פערוואָרפען ביזטו אין א פרעמדער וועלט און דו מאַטערסט זיך דאָרט אין עלענדער, אין אונגליקליכער, מען בעליידיגט דיך דאָרט, מען פערשפּייט דיך דאָרט און קיינער איז ניטאָ, ווער עס זאָל זיך פיר דיר אָננעהמען... אונגליקליכער זוהנעניו, דו אליין האָסט שוין קיין כוח ניט אָנצונעהמען זיך פיר זיך... איז דאָס דיין כוח, אבראַשא?... האָסטו צו דעם געשטרעבט?!..."

און בעת דעם האָט אין זיין נשמה עפּעס געציטערט און זיך געריסען, געקרעכצט און געוויינט... זיינע גרויסע, פער'חלום'טע אויגען פלעגען זיך פערציהען מיט טרערען און מיט אלע קרעפטען פלעגט ער זיך איינהאַלטען, אום זיך ניט צוּוויינען אויפ'ן קול...

אָבער אָט האָט ער דערהערט דעם העלען זילבערנעם געלעכטער פון לינא'ן און ער פלעגט זיך באַלד פיהלען גאָר אנאנדער מענש, גאָר ניט עלענד...

3

ער האָט זי געליעבט, פאַר וואָס פאַר ווען האָט ער אליין ניט געוואוסט... עס איז איהם פריילאך געווען צו קוקען אויף איהר ליעב, רונד, ווייס, כמעט קינדעריש פנים'ל מיט דער פאַריסען נעזעל און מיט די פולע ראָזאָווע, תמיד שמייכלענדיגע ליפען; אויף איהרע גרויסע בלויע אויגען מיט א פייערל און אויף איהרע רייכע בלאָנדע האָר, וואָס זיינען פערפלאָכטען געוועזען אהינטען, אויף איהר ווייסען נאַקען, אין א שווערען צאָפּ מיט א בלויער שטיינגע...

בעת וואָרמעס־עסען, צווישען צוועלף און איינס, ווען די ארבייטער פלעגען אָפּרוהען פון דער ארבייט, פלעגט ער תמיד מיט איהר פאַרברענגען, דערצעהלען איהר וועגען זיין לעבען אין רוסלאַנד, וועגען זיין שרייבען אין אמעריקא. זי פלעגט איהם ניט אלע מאָל פערשטעהן, אָבער אלע מאָל פלעגט זי לאַכען מיט איהר העלען, זילבערנעם געלעכטער און דאָס איז איהם געווען גענוג...

שפּעטער ריידענדיג מיט איהר, פלעגט ער וואגען אריינגעהמען אין זיינע הענד איהרע קליינע, רונדע ווייסע הענטלאך, פלעגט פיהלען זייער אנגענעהמע, לאַסצענדיגע וואַרעמקייט און פלעגט זי רופען „שעהנע העלענא".

דאָס איז איהר געווען אנגענעהם, זי פלעגט

איבער'חזר'ען : „שעהנע העלענא, אוי פּאָעט!“ און פלעגט זיך צולאכען מיט איהר העלען, זילבערנעם געלעכטער..

זיין פריינדשאפט מיט לינא'ן איז ניט געפעלען געוואָרען זיין שכן מאקס די עופה'לע און מאקס האָט ניט דורכגעלאָזען קיין איינציגע געלעגענהייט, אום צו מאכען איהם צו נאַר אין לינא'ס אויגען. בעת דער ארבייט, ווי נור צרהמאן פלעגט זיך פערטראכטען (און פערטראכטען פלעגט ער זיך גאנץ אָפט), פלעגט מאקס די עופה'לע איהם באלד אָפּטהון א שלעכטען שפּיטצעל... צרהמאן האָט איהם דערפאר פיינד געקראָגען......

צוגעבויגען צו זיין מאשין זיצט צרהמאן און דרעהט זיין „קאטערינקע“, דער שוויס קייקעלט זיך איבער זיין פנים אין גרויסע טראָפּענס, די אויגען בלאָנזשען ארום צוטראָגען איבער די ארבייט... היינט ארבייט זיך איהם גאָר ניט, זיין גאנצער מח, זיינע אלע געדאנקען זיינען פערנומען מיט די נייעס, וואָס ער האָט היינט אין דער פריה געלייענט וועגען רוסלאנד.. טהייערע נייעס : דער פריהלינג וויהט שוין דאָרט, דער אזוי לאנג־ערוואַרטעטער ליעבער, ליכטיגער פריהלינג !... באלד איז שוין פינף דער זייגער, נאָך א שעה איז געבליבען צו ארבייטען, דאן וועט ער קויפען אנ'אבענד צייטונג און וועט דאָרט זוכען די נייע בשורות פון דעם פריהלינג אין דערהיים... זיינע הענד מיט די מאנזשעטען באוועגען זיך לאנגזאם אונטער דער נאָדעל פון דער מאשין... נעבען דער צווייטער מאשין פון איהם זיצט לינא און ארבייט. איהרע ווייסע פינגערלאך מיט דער ארבייט בויגען זיך און גלייכען זיך אויס אונטער דער שארפער, בלישצענדיגער נאָדעל, אזוי ווי זיי וואָלטען זיך בעוועגט איבער די קלאַווישען פון א פּיאנאָ... הארט נעבען איהר זיצט מאקס די עופה'לע מיט הויך פערקאשערטע ארבעל, מיט אן צושפּילעטער העמד ביי דער ברוסט, רוקט אונטער'ן נאָדעל א מאנזשעט נאָך א מאנזשעט און ארבייט הייס, פעסט... אנטקעגען זיי און ארום זיי צונויפגעקוועטשט איינע נעבען אנדערען, א קאָפּ צו א קאָפּ, זיצען אנדערע ארבייטער, אי מאנסביל, אי פרויען, אי גאָר יונגינקע מיידעלאך, כמעט קינדער, צווישען זיי, זיצען און ארבייטען, סאָפּען שווער, איילען זיך און שוויצען...

אויף אנ'אנגעזעהענעם פלאַץ, אויף דעם אנדער עק פון פאבריק, ביי א טיש, פערוואָרפען מיט פארטיגע ארבייט, שטעהט דער פאבריקאנט, מיסטער קאָהען מיט א סיגאר אין מויל, און קוקט איבער די ארבייט...

די מאשינען רוישען און זשוזשען און קלאַפּען, אקוראט ווי זיי וואָלטען זיך בייזערען און שרייען מיט זייערע דומפּפע, הייזעריגע שטימען : „ארבייט, ארבייט, לעבעדיגער, לעבעדיגער !“ דאָס ווייסע ליכט פון די עלעקטרישע לעמפּלאך אויף די ווענד פון פאבריק בעלייכטען די אויסגעבויגענע רוקענס, נאַקענס, די אָפּענע פערשוויצטע האַריגע בריסט, וואָס בעוועגען זיך שווער, ביי די מאנסביל... בעלייכטען די בלייכע פנים'ער פון די פרויען, וואָס ווארפען יעדע מינוט פיבערהאפטע בליקען אויפ'ן גרויסען וואנד־זייגער, אום צו זעהן, וויפיעל צייט איז נאָך פערבליבען צו ארבייטען... צו וועלען זיי צייט האָבען נאָך צו ענדיגען זייערע „דורצענדס“ צו דעם מאָמענט, ווען די פאבריק וועט אָנזאָגען דורך איהר פייפען, אז דער טאָג ארבייט האָט זיך געענדיגט... בעלייכטען די אויסגעמורטשעטע, בלייכע פנים'ער פון די גאָר יונגינקע מיידעלאך, וואָס ארבייטען איצט מיעד און לאנגזאם, וואָס ווארטען אויף דעם פייפען פון דער פאבריק, מיט דער זעלבער אונגעדולד, מיט וועלכע אויסגעמוטשעטע חדר־יונגלאך ערווארטען די צייט, ווען דער רבי וועט זיי אָפּלאָזען אהיים פון דעם פארשטיקטען חדר... די לופט ארום איז אזוי שטיקענד, שמעקט מיט דעם שארפען גערויך פון די פערשוויצטע מענשישע לייבער און עס אטהעמט זיך שווער, זעהר שווער...

צרהמאן הערט ניט דעם ווילדען הוזשען און זשוזשען פון די מאשינען, פיהלט ניט דעם שארפען גערוך פון דעם מענשישען שוויס אין דער געפּרעסטער לופט ארום איהם... ער איז איצט ווייט פון דער פאבריק, העט־ווייט, אין זיין ליעבען הייהם איז ער איצט, אין זיין ליעבען היים, וועלכעס קוקט אויך איצט אזוי ניי און שען, אין גאנצען בעגאָסען מיט די ליכטיגע, פרייליכע שטראהלען פון דער „פריהלינג־זונן“... זיין טאטע־מאמע זיינען נעבען איהם, זיינע אלטע בראווע חברים און זי, זיין שעהנע העלענא... ער האָט דאָרט אָנגעשריבען אנ'ערצעהלונג.... אלע ריידען פון איהר... די קריטיק לויבט איהם, פערגלייכט איהם מיט טשעכאָוו מיט גאָרקי... ער לייענט פּאָר, וואָס מע שרייבט וועגען איהם זיין טאטע־מאמע, זיין שענע העלענא'ן. זי פרייהט זיך, לאכט און זאָגט איהם : „געדענקסטו, וואָס פיר א שלעכטער ארבייטער דו

ביזט געווען אין פאבריק? דערפאר ביזטו א גרויסער, בערימטער שרייבער איצט אין דער היים!"... און זיין טאטע־מאמע זאָגען מיט שיינענדיגע, ליכטיגע אויגען: „א דאנק דעם פריהלינג ביזטו ווידער מיט אונז און קענסט שרייבען דיינע שענע זאכען!....

ער איז גליקליך, זיין נשמה, פול מיט בע־גייסטערונג, זינגט אין איהם... „יע, דער פריה־לינג, דער פריהלינג" — שרייט ער אויס — „איך האָב לאנג געבענקט נאָך איהם... פיר איהם האָב איך געליטען און גליקלאך בין איך איצט, פארוואָס איך האָב דאמאָלט פיר איהם געליטען. טויזענד מאָל ליעבער איז ער דערפאר מיר איצט, דער שענער, דער געטליכער פריהלינג... אונזער פריהלינג איז ניט ווי דער פריהלינג אין אמעריקא... יענער איז פערשווארצט געוואָרען פון די געדיכטע זיילען רויך, וואָס טראָגען זיך דאָרט פון די פאבריקען... אונזערער אָבער, אונ־זערער... ליעב דעם פריהלינג, מיין שענע העלע־נא, ליעב איהם און ליעב מיך!"... זי לאכט און.. ווארפט זיך איהם אויפ'ן האלז...

און פלוצים האָט ער דערפיהלט, אז עפּעס האָט איהם א קלאפּ געטהון איבער זיין האלז; ער האָט זיך א טרויסעל געטהון, געעפענט ווייט די אויגען, ווי פון א טיעפען שלאָף, האָט זיך ארומגעקוקט און איז געקומען צו זיך... ער האָט זיך א טאפּ געטהון ביים האלז און האָט פון דאָרט ארויסגעשלעפּט א בינדעל מאנזשעטען פון זיין אייגענער ארבייט...

ער האָט נאָך קיין צייט געהאט אוועקצו־לייגען דעם בינדעל אויף אנ'אָרט, ווי א צוויי־טער בינדעל איז פון ערגעץ געפלויגען און האָט איהם געטראָפען גלייך אין פנים אריין. און בעת דעם האָט ער דערהערט דעם גראָבען באס־געלעכטער פון מאקס די עופּה'לע, צונויפגעגאָ־סען מיט דעם העלען, זילבערנעם געלעכטער פון לינא'ן....

ער האָט א קוק געטהון מיט צושראָקענע אויגען אויף מאקס און לינא'ן, ביידע האָבען געקייכט פון געלעכטער.

— אוי, טאטעלאך מיינע — האָט געגרע־וועט מאקס די עופּה'לע, צופאלענדיג מיט זיין מעכטיגער ברוסט צום טישעל פון דער מאשין און לאכענדיג מיט זיין געזונדען געלעכטער: — איך וועל ניט אויסהאלטען! די קישקעס וועלען ביי מיר פּלאצען! פון אונטער דער נאָז ביי איהם אוועקגעשלעפּט די ארבייט, און ער האָט ניט בעמערקט! הו־הו־הו! אָך, מאמעלאך מיי־נע... לינא, איך וועט אייך, אז איהם אליין וועל איך אוועקשלעפּען פון אונטער זיין נאָז און ער וועט עס אויך ניט בעמערקען! אָך, מאמעלע מיינע, הו־הו־הו!...

לינא האָט זיך נאָך העכער צולאכט.

לינא'ס געלעכטער האָט איצט אָפּגעקלונגען אין צרהמאן'ס הארצען מיט טיעפען וועהטאָג; ער האָט זיך געפיהלט טיעף בעליידיגט, און אין זיין נשמה האָט זיך ערוועקט א געפיהל פון האס צו מאקסען און א געפיהל פון פערדרוס צו לי־נא'ן...

ער האָט מיט כעס גענומען ציילען זיינע פארטיגע מאנזשעטען, ערשט עס פעהלט ביי איהם נאָך א דוצענד..

ער האָט ווידער א קוק געטהון אויף מאקס די עופּה'לע, יענער האָט שוין געהאלטען דעם קאָפּ אונטער'ן טישעל פון מאשין, האָט געלאכט און האָט זיך געקאטשעט מיט זיין גאנצען שטארקען, שווערען קערפּער; פון איהם האָט צרהמאן אריבערגעפיהרט זיינע ביידע אויגען אויף לינא'ן און יענע איז געזעסען מיט פעסט צונויפגעקוועטשטע ליפּען און האָט מיט אלע קרעפטען איינגעהאלטען דאָס געלעכטער, וואָס האָט זי געשטיקט...

— מאקס — האָט אויפ'ן סוף ארויסגע־רעדט צרהמאן מיט א ציטערענדיג קול פון אויפ־רעגונג: — מאקס, וואו זיינען מיינע מאנזשע־טען? מאקס, ווי שעהמט איהר זיך ניט? גע־נוג אייך צו שפּאסען. איהר מיינט, אז עס איז א גרויסע חכמה? איך בין ניט אייער גלייכען, סקאַטינא, שפּיעלט זיך ניט מיט מיר! האָט ער פּלוצים ארויסגעשאָסען מיט הארץ און איז רויט געוואָרען...

דעמאָלט האָט שוין לינא לענגער ניט גע־קענט איינהאלטען דאָס געלעכטער, האָט זיך אָנגעכאפּט מיט ביידע הענד פאר די ברוסט און האָט זיך גענומען ווארפען אויף איהר שטול, לאכענדיג דאָ שטילער און דאָ העכער, אקוראט, ווי עמיצער וואָלט זי געקיצעלט...

צרהמאן איז נאָך רויטער געוואָרען, האָט זיך שיר ניט צוויינט און האָט ארויסגעמור־מעלט:

— לינא, איהר אויך? וואו זיינען מיינע מאנזשעטען? לערענט זיך ניט פון מאקסען!... גלויבט מיר, אז ער איז זעהר א גראָבער יונג...

זי האָט אויפגעהערט צו לאכען, האָט זיך ווידער אויסגעגלייכט אויפ'ן שטול און האָט א קוק געטהון אויף איהם. איהרע בלויע אויגען

זיינען פערשלייערט געוואָרען מיט טרערען פון לאנג־לאכען און איהר שען פנים'ל האָט זיך צופלאמט און געשמייכעלט, פערקאשערענדיג די אויבערשטע ראָזאָווע ליפּ, מיט איהר קינדער־אונשולדיגען, ליעבען שמייכעל.

עס איז אָבער אזוי קאָמיש — האָט זי אויסגעשריען און האָט ווידער געטהון א לאך — וועגען וואָס האָט איהר זיך אזוי פערטראַכט? מאקס גיט איהם אָפּ די סליעווס!.

מאקס, וועלכער האָט שוין איצט געארבייט, פונקט ווי ער וואָלט פון גאָר ניט געוואוכט, האָט זי אָנגעקוקט מיט אַן'אונשולדיגער מינע און האָט געפרעגט, כלומרשט ער פערשטעהט ניט:

— וואָס זאָגט איהר?

— גיעט איהם אָפּ זיינע מאַנזשעטען, האָט זי געזאָגט מיט א קול, אין וועלכען עס האָט געציטערט אַן'איינגעהאַלטענער געלעכטער און אונטערשטרייכענדיג דאָס וואָרט „מאַנזשעטען", וואָס צרהמאַן האָט געברויכט אָנשטאָט „סליעווס".

— הא, די מאַנזשעטען? — האָט ער געמאכט אַן'ערנסטע מינע און א שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ — און א צוואנציג יאָהריגע כאַלענדרע וויל ער ניט, וואָס? די מאַנזשעטען? וואָס'רע מאַנזשעטען? — האָט ער גערעדט כלומרשט אין כעס און לאַכענדיג אין־זיך —: האָט ער געזעהן, אז איך האָב זיי ביי איהם צוגענומען? האָסטו געהערט א מאָל אויף דיין לעבען? א וואזשנער פּריץ!...א צרה'דיגער „שמאַנטעלעגענט". אליין וועט ער דאָרט טראַכטען וועגען זיינע מעשות וועגען זיינע שמאַנדרעס און דו גיעב אכטונג אויף זיינע צרה'דיגע מאַנזשעטען! א מכה, וואשקאַ בלאַגאָראָדיע, דאָ איז ניט פּאַניעס מדינה, דאָ איז קאָלומבוס'עס מדינה!... ער זאָגט — האָט מאקס די עופּה'לע גערעדט ווייטער שוין מיט ביטערנעם אין קול — אז ער איז ניט מיין גלייכען... אוי, טאַקע א קלאָג צו קאָלומבוס'ען ווער דאָס זאָגט!. ער! ער, וואָס האָט א פּנים פון א גערויכערטען הערינג; ער וואָס ארבייט ביים מאשין, ווי א זשאַבע! וואָס זאָגט איהר, לינא, אויף דעם גרויסען פּריץ, הא? מאַנזשעטען וועל איך איהם געבען? א מרמ־כ־כ־כה!...

און מאקס האָט א טריעב געטהון זיין מאַשין.

צרהמאַן איז געזעסען, ווי א דערשלאָגענער, האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען.

ער האָט געפיהלט די רויהע קראַפט פון מאקס די עופּה'לע, ווי זי דריקט איהם אזוי אונברחמנות'דיג, און ווי אונבעהאָלפען ער, צרהמאַן הייסט עס, איז געגען איהר... איבערהויפּט האָט איהם וועה געטהון, וואָס מאקס האָט פערגליכען זיין פּנים צו אַן'גערויכערטען הערינג בעת לינא איז דערביי געווען...

אין דיזער צייט האָט לינא בעמערקט, אז דער פאבריקאנט קוקט אויף זיי פון ווייטען, זי האָט זיך פלינק, וויא א קאַטץ, אויסגעבויגען צו מאקס'עס שטול, האָט פון אונטער איהם ארויסגעכאַפּט א בינדעל מאַנזשעטען און האָט זיי דערלאַנגט צרהמאַן'ען.

— זייט אויף מיר ניט בייז. אויף מיין וואָרט, ניט איך האָב זיי בעהאַלטען! און איצט ארבייט, מיסטער קאָהען קוקט אהער! — האָט זי שנעל געזאָגט, האָט זיך אויסגעבויגען צו דער מאשין און האָט גענומען ארבייטען...

דיזע עטליכע ווערטער זיינען געווען גענוג, אז צרהמאַן זאָל זיך ווידער בערוהיגען, אז ער זאָל פארגעסען, אז אָט ערשט האָט זי פון איהם געלאַכט... „זי איז נעבאך ניט שולדיג" — האָט ער געטראַכט — „זי וויל האָבען כאָטש וועלכעס ניט איז פערגעניגען... קיין געפיהל פיר עדעלערע פערגניגענס ענטוויקעלט ניט די פאבריק... דאָך פערשטעהט זי דעם אונטערשייד צווישען מיר און מאקס'ען... איך וועל זי ענטוויקלען, מיין שענע העלענאַ'ן, איך... און אפשר, אז דער פריהלינג קומט דאָרט, וועל איך נאָך קענען פאָהרען א היים מיט איהר אין איינעם... איהר טאַטע־מאַמע זיינען דאָך אויך דאָרט אין דער היים!"

איהם איז לייכט געוואָרען אויפ'ן הארצען פון דיזע ליכטיגע געדאנקען, האָט מיט וואַרעמקייט ארויסגעמורמעלט פיר־זיך: „שענע העלענאַ" און האָט ניט בעמערקט ווי מאקס די עופּה'לע האָט איהם ארויסגעשטעלט די צונג און ווי זיין שענע העלענאַ, ווינקענדיג גנב'יש צו מאקס'ען, האָט זיך אָנגענומען פיר די ראָזאָווע אויערען און האָט זיי גענומען ציהען, מיינענדיג צו ווייזען, וואָס פיר א לאַנגע אויערען צרהמאַן האָט... דער אָרעמער צרהמאַן האָט עס ניט באמערקט און מיט א לייכטע הארץ האָט ער גענומען ארבייטען...

ער האָט זי געליעבט, ניט פרעגענדיג זיך, אויב זי ליעבט איהם, האָט זי געליעבט אָהן א פאַרוואָס. און ווען זי האָט געלאַכט מיט איהר זילבערנעם געלעכטער, וואָס האָט געקלונגען

ווייך, העל און צאַרט, ווי זי אליין, און ווען גע־לאַכט האָט זי ניט פון איהם, — דעמאָלט האָט ער געפיהלט אין זיין נשמה א ברענענדיג פער־לאַנג, אז דיזער געלעכטער זאָל קלינגען נור פיר איהם, פיר איהם נור אליין און קלינגען זאָל ער נאָך העלער, נאָך ווייכער און נאָך צאַרטער...

* *
*

זעהר אָפט פלעגט ער זי לאָדען צו געהן מיט איהם אויף אנ׳מאסענפערזאמלונג, איבער־הויפט דעמאָלט, ווען א גוטער ארבייטער־רעד־נער פלעגט ריידען. אמאָל פלעגט זי געהן מיט איהם און, זיצענדיג נעבען איהם אין לאָקאַל, פלעגט זי הערען כלומרשט דעם רעדנער, אין דער אמת׳ען אָבער פלעגט זי קוקען פער׳גנב׳עט אויף די יונגע לייט און מיידלאך ארום זיך און טראַכטען: ווער פון זיי איז חתן־כלה און ווער איז סתם א יונגערמאַן... נור ווען אלע פלעגען קלאַפען דעם רעדנער „בראַוואָ", פלעגט זי זיך אויף א כאַפ טהון, צונויפלייגען איהרע קליינע, ווייסע הענטלאך און פלעגט אויך קלאַפען. צרה־מאַן פלעגט איהר אָנהייבען ערקלערען די גע־דאַנקען פון דעם רעדנער, איהר פלעגט זיך ווע־לען גענעצען, פלעגט זיך אָבער איינהאַלטען, פלעגט ענטפערען: „יע, יע, איך פערשטעה" אויף זיין „איהר פערשטעהט" און פלעגט בעת דעם טראַכטען: „גוואַלד, ער מאַכט מיך קראַנק!....

(שלום פאָלגט)

לעאָן קאָברין.

דער אָדלער.

פון יאָהאַנעס שלאף.

דיא שטאָלצע, פרייע אָדלערס! אויף דיא פעלזען, אויף דיא הויכע בערג וואָהנען זיי, נעהנטער צו דער פרייער מוטער, דער וועלט־קעניגין, דער זון. זיי זיינען איהרע ליעבלינ־גע. דיא שטורמס, וואָס הערשען דאָרט, שרע־קען זיי ניט אָפּ. זיי געפינען נאָך פאַרגניגען אין דער געטליכער קראַפט.

און דאָך קען איך א בילד שרעקליך, שוי־דערליך, אָבער נאָך ערהאַבענער: דער בילד, וויא דיא אָדלערס פליהען. אָט דאָס איז דער אָדלער! איך האָב שוין געזעהען וויא ער פליהט אזוי וויא אן אנדערער וואַגט ניט.

איך האָב געזעהען וויא ער פליהט. אין א גרויען פריהמאָרגען בין איך געשטאַנען מיט פיעל אנדערע אויף א ווייטען פרייען פעלד; מיט דיא טויזענדער און טויזענדער, וועלכע הא־בען זיך פערזאַמעלט אין יענער זעלטענער גרויער פריהמאָרגען שטונדע און האָבען זייערע אויגען אויסגעשטעלט אנטקעגען דער זון, צו זעהען דיא זאָנען פינכטערנים.

האָסט דו שוין ווען עס איז דורכגעלעבט אזא שטונדע?

א דונקעלער ציטערניס כאַפּט אָן אלעמען אין יענער וואונדערליכער גרויער קיהלקייט. מענשען, חיות, פויגלאך, דיא ערד אליין, אלע־מען נעהמט דורך א שרעק פון דער קיהלער גרויקייט, וועלכע באַטייט דיא וועלט, וויא א הויך פון פערוויסטונג. עס איז נאָך קיין מאָל ניט ארויסגעזאָגט געוואָרען, וואָס פאַר א שוי־דערליכער רעטעניש, וואָס פאַר א שוידערליכער סוד עס ליגען פאַרבאָרגען אין יענער שטונדע! נאָך קיין מאָל איז ניט ארויסגעזאָגט געוואָרען, וואָס פאַר א שוידערליכע געפאַהר עס שטעהט פאַר אין יענער שטונדע.

אָבער דאָ איז ער געקומען, דער טרויסט, דער וואונדערבאַרער, דער אָדלער. פון דיא שלייערען פון האָריזאָנט האָט ער זיך ארויסגע־וויזען און איבער דיא פעלדער, איבער דיא בערג, איבער דיא פערזאַמעלטע מחנות, וועלכע האָבען אין דער מינוט געטראָגען דיא פאַרב פון פערוויסטונג, האָט ער זיך אוועקגעלאָזען צו דיא ווייטע הימלען צו דער זון.

זיין פליהען אין דער שטונדע איבער אונ־זערע קעפּ!...

שטילשווייגענד און מיט פערוואונדערונג האָבען אונזערע בליקען זיך געווענדעט צו איהם. ער איז דער איידעלסטער פון אלע זיגער, דער אָדלער.

וואַרימקייט

פון דר. י. בלומשטיין. (*)

(ווי אזוי די נייעסטע טהעאָריע איז אויפגעשטעלט געוואָרען.)

דיא היפּאָטעזע, אז ווארימקייט איז אזא מין פליסיגקייט, וואָס האָט אין זיך קיין שום משא ניט („אינפּאָנדעראבלע פלויּדע“—ווי די געלעהרטע רופען עס) האָט זיך — א דאנק די לעהרע פון די פליגיסטאניקער — וועגען וועלכע מיר האָבען שוין גערעדט איין מאָל — שטארק איינגעוואָרצעלט אין דער וויסענשאפט, אין סוף 17־טען און אָנהויב 18־טען יאָהר הונדערט.

דער גלאטער איבערגאנג פון ווארימקייט פון א ווארימען קערפּער אין א קעלטערען, — אזוי ווי וואסער וואָס גיסט זיך אריבער פון איין כלי אין א צווייטער — האָט זיך לכתחילה, גוט געלעגט אויפ׳ן שכל אויף די געזעצען, די קוואַליטאטיווע (די וואָס בעשיצען די „איכות“, דאָס „ווי אזוי“) אזוי אויך די קוואנטיטאווע (די וואָס בעשטימען די „כמות“, דאָס „ווי פיעל“) האָבען בפרטי פּרטיות, — מען קען זאָגאר זאָגען, מאטעמאטיש — אויפ׳ן קווינט, געשטימט מיט די זעלביגע געזעצען ביי דעם איבערגאנג פון פליכסיגקייטען פון איין כלי אין דער אנדערער. אָט אויף אזא אופן זיינען די מאטעמאטישע פאָרמעלען פאר פשוט׳ע, אמת׳ע, מאטעריעלע פליססיגקייטען, ווי אויך פאר דער היפּאָטעטישער (על פי השארה) ווערמע־פליסיגקייט (פלאגיסטאָן, יסוד־האש) געוועזען פונקט די זעלביגע.

די פלאגיסטערן־היפּאָטעזע האָט דורך דעם כמעט אויפגעהערט צו זיין א היפּאָטעזע (א וויסענשאפטליכע השארה) און איז ארויף צו דער העכערער מדרגה פון א **געזעץ***, אין וועלכען קיינער איז שוין כמעט גאָר ניט מסופּק געוועזען.

אמת, דאָס וואָס ווארימקייט איז מסוגל ארויסצושיקען פון זיך אזא מין שטראהלען, וואָס ווארעמען דעם צווייטען קעלטערען קערפּער אויך פון דער ווייטען (אזוי ווי ליכט שטראהלען, וואָס בעלייכטען פון ווייטען) איז געוועזען די פלאגיסטאָניקער ניט גאָר צום הארצען, אָבער דערמיט האָבען זיי זיך, זאָגאר ניט

---

*) פערגלייך די ארטיקלען פון זעלבען פּערפאסער, „די כחות פון דער נאַטור“, צוקונפט, 1905.

**) דעם אונטערשיעד צווישען היפּאָטעזע און געזעץ האבען מיר בפרטיות בעשריעבען אין דעם ערשטען ארטיקעל פון דער סעריע.

שלעכט, איינגעקעהרט, אָננעהמענדיג, אז די ווערמע־שטראהלען בעשטעהען בעצם פון קליינינקע טיילכעלעך פון דער ווערמע־מאטעריע גופא, ווי מיר האָבען שוין פריהער דערמאָנט.

ערגער איז פאר זיי געווען דער פאקט, וואָס די ווערמע־שטראהלען ווערען אָפּגעשפּיגעלט — אָדער ריכטיגער געזאָגט — ווערען פון א שפּיגעל אָבגעוואָרפען צוריק, פּונקט ווי די ליכט שטראהלען — נור אויף דערויף האָבען זיי געענטפערט א תירוץ, הגם שוין מיט א שטיקעל פּלפּול, און פּשט'ל.

די „עקשנות'דיגע“ פאקטען האָבען זיך אָבער אזוי ווי איינגעשפּארט אונטערצוגראָבען אין גאנצען דעם לופט־בנין פון דעם ווערמע־שטאָף.

איין קלאפּ נאָך דעם אנדערען, האָט אין א משך פון עטליכע צעהנדליגע יאָהרען די „ווערמע־שטאָף־טהעאָריע“ בעקומען, ביז זי איז אין גאנצען איינגעפאלען פון דאך ביז'ן פונדאמענט. זי איז געוואָרען ניט נור אויס „געזעץ“, אויס „טהעאָריע“, זי האָט זאָגאר דעם נידעריגערען טיטול „היפּאָטעזע“ אויף אויביג אָנגעוואָרען.

אָט זיינען עטליכע פון די נייערע בעאָבאכטונגען פון „די הויפּט רעוואָלוציאָנערען“, וועלכע עס האָבען אראָב געוואָרפען פון טהראָן, די אַלטע בכבוד'יגע „ווערמע־שטאָף־טהעאָריע“.

1) די ווארמע שטראהלען קלייבען זיך צוזאמען, אָדער קאָנצענטרירען זיך, אין איין פּונקט, אין א ברענפּונקט, בעת זיי געהען דורך א געוועלבטער גלאָז (דורך א ברענגלאָז), פּונקט ווי די ליכט שטראהלען קאָנצענטרירען זיך דורך א געוועלבטער ברענגלאָז אין איין ליכט פּונקט — אין א פאָקוס. — א בעוויז אלזאָ, אז ווערמע איז ניט קיין מאטעריע, וואָרום ווער נויט די מאטעריע, דורכגעהענדיג דורכ'ן גלאָז צוזאמען צוקומען זיך דוקא אין איין איינציגען פּונקט?

2) קנאָבלאך — א געלעהרטער, וועלכער האָט זיין גאנצען לעבען אָבגעגעבען דער ווערמע־טהעאָריע, האָט בעוויזען, אז בעת עס קומען זיך צונויף צוויי פערשיעדענע ווערמע־שטראהלען אויף א בעשטימטען אופן *, אין איין פּונקט, פערלירען זיי, אין גאנצען אָדער צום טהייל זייער ווארעמקייט. ער האָט גענומען 2 קערפּער פון 36 ־ גראד; דורך שפּיעגלען האָט ער זייערע שטראהלען אזוי געגויגט, אז פון די ביידע קערפּער זיינען זיי ארויפגעפאלען געראדע אין איין פּונקט. און אין דעם פּונקט איז געווען די טעמפּעראטור 20־־ גראד סך הכל!

וואָלט ווארמקייט געווען א חומר, א מאטעריע, א שטאָף האָט אין דעם פּונקט דאָך געדארפט זיין די טעמפּעראטור נאָך אין צווייען: 72־גראד, צוליעב די ווארמע־טיילכעלעך פון דעם צווייטען, מיר האָבען דאָ, נאָך דער פלאָגיסטאָן טהעאָריע, גאָר א מין נס — 36 און 36 געבען צוזאמען נור 20!

דער איינפאכער לעזער וועט פיללייכט מיינען, אז די ווארמקייט האָט זיך אָבגעקיהלט ביז זי איז דערגאנגען צו דעם דאָזיגען פּונקט, איז אָבער פון ביידע זייטען פון דעם דאָזיגען 20־גראדאָווען פּונקט, די טעמפּעראטור פּונקט 36 גראד אין דער צייט, ווען גראָד אין דעם איינציגען פּונקט (מען רופט איהם אין דער פיזיק: „אינטערפערענץ־פּונקט“) איז די טעמפּעראטור נור 20 גראד. *

3) לאָזט מען דורך ווארמע שטראהלען דורך א שמאָליגען שפּאלטעלע (**) טאָ געהען זיי דורך ניט דורכ'ן רעכטען מיטען, נור זיי קעהרען אָב אָן א זייט, ווי עס טהוען אויך די ליכט שטראהלען אין אזא פאלל. (פאר וואָס דאָס איז אזוי, קאָנען מיר איצט ניט בעשרייבען, ווייל דאָס וואָלט אונז אוועקגעפיהרט ווייט פון אונזער איצטיגער טהעמא). דאָס איז ווידער א בעוויז אז ווארעמקייט איז ניט קיין שטאָף, וואָרום צוליעב וואָס זאָללען די מעטעריעללע־

*) ווי אזוי מען ברענגט די וואסער־שטראהלען אין דעם דאָזיגען „בעשטימטען אופן“ דאס קאנען מיר אין אונזער פאָפּולערען ארטיקעל ניט בעשרייבען, ווייל דערצו פאָדערט זיך פיעלע מיטעמאטישע פאָרמעלן און אויך פערשיעדענע פיגורען.

**) דער דאָזיגער עקספּערימענט פון קנאָבלאך איז ווידער זעהר קאָמפּליצירט. מען מוז דערצו האבען א שטיין־זאַלץ פּלאטע, אין וועלכע עס ווערען דורכגעהאַקט זעהר שמאָלינקע שפּעלטעלעך נאך א בעשטימטער מאס, און מיט בעשטימטע אינסטרומענטען.

***) ווי אזוי דאָס ערקלערט זיך נאָך דער נייער טהעאָריע נאך. וועט דער לעזער ערסט גוט און ריכטיג פערשטעהען צום שלוס פון דעם גאַנצען אַרטיקעל. כל זמן מיר האָבען נאך ניט בעשריעבען די וועללען־טהעאָריע בכלל איז דאָס שווער געווו

ווארמע־טיילכעלעך געהן אין א זייט, בעת זיי שטעהט פריי און אָפען דער גלייכער וועג דורכ'ן שפאלט?

4) גראף רומפאָרד האט געמאכט אזא עקספערימענט. ער האט געלאָזט בויערען א אייזערנעם קלאָץ מיט א שטומפען אייזען. דורך דעם וואָס דער שטומפער אייזען האט זיך, דורך וועלכע עס איז קראפט, געדרעהט אין דעם אייזערנעם קלאָץ, האט זיך ענטוויקעלט א גרויסע ווארימקייט, פון וועלכע די ארויסגעבויערטע אייזען־שטיקלעך זיינען געוואָרען רויט וויא אָנגעצונדען, און כל זמן דאָ סשטומפע שטיק אייזען האט זיך געדרעהט אין דעם פעסטען אייזערנעם קלאָץ, האט זיך אלץ ענטוויקעלט ווארעמקייט און ווארעמקייט.

דאָס איז, אין פלוג דאכט זיך, זעהר א קלאָהרער בעווייז, אז ווארעמקייט איז ניט קיין מאטעריע. דען ווען ווארעמקייט וואָלט געווען א מאטעריע וואָלט מען זי ניט געקאָנט בעשאַפען דורך בלויזען דרעהען, אזוי צו זאָגען, פון גאָר־נישט, (*) וואָרום די משא פון דעם אייזען (די ארויסגעדרעהטע אייזען־ברעקלעך צוזאַמען מיט דעם פעסטען אייזען־קלאָץ) איז געבליבען פונקט די זעלביגע.

פון דעסטוועגען האָבען זיך נאָך די פלאָגיסטאָניקער געפרואווט ראנגלען מיט רומפאָרדען. „ניין — האָבען זיי גע'טענה'ט — ווארעמקייט איז טאקע א מאטעריע. אי פון וואנען נעמט זי זיך דאָ? זי געהט ארויס פון דעם פעסטען אייזען־קלאָץ אין די אייזען־ברעקלעך אין דעם אייזען פולווער: זי ווערט אלזאָ דאָ ניט בעשאפען, נור זי איז משנה מקום. און דעריבער האָבען אין זיך אייזען־ברעקלעך מעהר פייערשטאָף, מעהר פלאָגיסטאָן, איידער פעסטע גרויסע שטיקער אייזען, ד. ה. זיי קענען אויפנעה־מען וועניגער ווארעמקייט אלס א פעסטער שטיק אייזען פון דעם זעלביגען געוויכט (*)."

דעווי, אנ'ענגלישער געלעהרטער, האט אָבער בעוויזען, אז בעת מען רייבט צוויי שטיקער אייז אין א רוים, וואו עס הערשט זאָגאר די גרעסטע קעלט, אָדער פשוט ווינטער אויפ'ן פראָסט, ענטוויקעלט זיך ווארעמקייט, בלויז דורך דאָס רייבען איין שטיק אייז אָן דעם צווייטען. דערביי צושמעלצט דאָס אייז אין וואסער. און, מעשה שטן, קאָן וואססער אויפנעהמען דוקא צוויי מאָל אזוי פיעל ווארעמקייט וויא אייז!!

דערמיט האט דעווי ביי די פלאָגיסטאָניקער אָבגענומען די לעצטע האָפנונג און אוועק געשטעלט די טהעאָריע, אז ווארעמקייט איז ניט קיין מאטעריע, נור א בעוועגונג און דעריבער ענטוויקעלט זי זיך דורך אנאַנדער בעוועגונג, ווי רייבען, דרעהען, קלאפען א. ז. וו.

5) דער אויבענדערמאָנטער גראף רומפאָרד האט אין א קאסטען מיט קאלטע וואסער געלאָזט דרעהען א שטאָלענע ראָד דורך א שטארקען קאָלוואראָט; דאָס וואסער האָט, דורך די דרעהונג פון דעם ראָד אָנגעפאנגען צו קאָכען און געקאָכט כל זמן דאָס ראָד האט זיך געדרעהט. מען האט נור געברויכט פון צייט צו צייט צו צוגיסען קאלטע וואסער אין קאסטען, אָנשטאָט דאָס פערדאמפטע (אויסגעזאָדערנע) וואסער, כדי דאָס וואסער זאָל שטענדיג זידען. פערשטעהט זיך דערביי האט מען געמוזט ניט אויפהערען צו דרעהען דאָס ראָד.

כמעט א גלייכען עקספערימענט האט אויך טינדאל געמאכט. ער האט אָנגעפילט א מעשענע רעהר'ל מיט וואסער, צונויף געפרעסט זיי מיט א האָלצערנעם צווייגעל און צוגעבונדען זי צו א שוואונג־ראָד פון א וועלכער עס איז מאשין. נאָך עטליכע הקפות פון דער שוואונג־ראָד האט דאָס וואסער אין רעהר'ל אָנגעפאנגען צו זידען און געזאָדען ביז עס איז אין גאנצען אויסגעזאָדען (ד. ה. ביז דאָס וואסער איז דורך די היץ אין גאנצען געוואָרען דאמפף און פערשפרייט זיך אין די לופט). פילט מען דאָס רעהר'ל מיט

צו ערקלערען. איך וויל דערוויילע בעמערקען, אז נאך דער נייער טהעאָריע איז ווארימקייט אזא מין בעוועגונג פון וועלען (וואלענס) ווי למשל וואסער־וועללען, וועלכע עס ענטשטעהען, בעת מען ווארפט אריין א שטיין אין וואסער. ווארפט מען אבער אריין צוויי שטיינער איינער עטוואס ווייטער פון דעם אנדערען דאן ענטשטעהען צוויי וועלען־קרייזען, וועלכע עס בעגעגנען זיך; און אין דעם פונקט וואו זיי בעגעגנען זיך בלייבט דאס וואסער גאר רוהיג. אויף אזא'ן אופן ערקלערט זיך אויך דער אינטערפערענץ־פונקט.

*) מאטעריע קען פון גאר ניט בעשאפען ווערען און קען אין גארניט ניט איבערגעהען. זי קען ניט בטול ווערען. דאס איז א גרונדגעזעץ אין דער נאַטור. (דאס געזעץ פון ערהאלטונג פון דער מאטעריע, פון לאוואזיע.)

וואסער, טאָ זירדט עס איבער א. ז. וו. כל זמן דאָס ראָד דרעהט זיך נור.

די ביידע קלאַסישע עקספּערימענטען (אין איך וואָלט נאָך געקאָנט ברייננגען כהנה וכהנה) לאָזען זיך בשום אופן ניט ערקלערען מיט דער פלאָגיסטאָן־טהעאָריע, ווארום דאָס איז דאָך אַנ'אונמעגליכע זאַך אויסצופּרעסען — נאָך זייער שטה נאָך — אָהן א שיעור און אָהן סוף ווערמע־שטאָף פון א שטאָף, וועלכער עס האָט א געוויסען גרענעץ, א בעשטימטען אומפאנג (די שוואונג־ראָד אין טינדאלס עקספּערימענט אָדער די שטאָהלענע ראָד אין רומפאָרד'ס עקספּערימענטע).

נאָך דער נייער מעכאַנישער טהעאָריע, וועלכער עס נעהמט אָן, אז וואַרעמקייט איז בלויז א בעוועגונג און ניט קיין שטאָף ערקלערען זיך די ביידע עקספּערימענטען זעהר גוט. דורך דער בעוועגונג פון די רעדער, פון די גרויסע מאסען, ענטשטעהט די בעוועגונג פון די קליינעצקע וואַסער־טיילכעלעך (וואסער־מאָלעקולען), וועלכע מיר מענשען פיהלען אלס וואַרעמקייט; דורך די ווארימקייט זירדט אויס, פערשטעהט זיך, דאָס וואסער. פון וואנען נעהמט זיך אָבער די בעוועגונג פון די רעדער?

דערויף וועט זיכער יעדער אויפמערקזאַמער לעזער אליין געבען א ריכטיגע תשובה. „אום צו בעוועגען א קערפּער מוזען מיר געברויכען, וועלכע עס איז קראַפט" — ווי מיר האָבען שוין דאָס גענוי ערקלערט אין די ערשטע אַרטיקלען — און דאָס טהוען מיר טאקע אין ביידע פעלע: די שטאָלענע ראָד דרעהען מיר מיט אונזערע הענד (מוסקעל־קראַפט), אָדער מיט דער הילף פון א פערד (פערד־קראַפט); די שוואונג־ראָד דרעהט א דאמפּף־מאַשינע (דאמפּף־קראַפט) אָדער אַנ'עלעקטרישער מאָטאָר (עלעקטרישע קראַפט). אין ביידע פעללע געהט אָבער מעכאַנישע־קראַפט איבער אין וואַרימקייט. א פשוט'ען עקספּערימענט, וועלכער יעדער איינציגער קען ביי זיך אין דער היים אויספיהרען, אום צו זעהען בעשיינפערליך, ווי מעכאנישע קראַפט, אָדער בעוועגונג געהט איבער אין ווארימקייט אין דער פאָלגענדער: נעמט א פעכטע גלעזערנע טרייבעל, פאסט צו איהר צו א האָלצערנעם שטעמפעל (א פּאַרשען), וועלכער זאָל זיך קוים קענען אומרוקען הין און הער אין דער טרייבעל, הארט ארום איהרע ווענד — (אזוי ווי די חדר־אינגלעך מאַכען א שפּראָצער) פערשטאָפּט זי פון איין זייט פעסט מיט א פּראָבקע, אזוי אז קיין לופט זאָל ניט קאָנען דורכגעהען; לעגט ארויף אויפ'ן דעק, אויף דער פראָבקע הייסט עס, א שטיקעל פאפיראָסען פאפיר, אָדער נאָך בעסער, א שטיקעל טרוקענעם צינטער און פרעסט אראָב פעסט דעם שטעמפּעל אין דער טרייבעל, טאָ וועט זיך דאָס שטיקעל צינטער אָדער פאפיר אָנצינדען. די אלע עקספּערימענטען, וואָס מיר האָבען ביז איצט בעשריבען בעווייזען אָבער נור די איכות, די קוואליטעט, דאָס „ווי־אזוי", וועלכע עס בעשטעהט צווישען מעכאנישע־קראפט און ווארעמקייט; זיי בעווייזען, אמת, די פאלשקייט פון דער אלטער שטאָף־טהעאָריע, זיי בעווייזען, אלס אַנ'אויבערפלעכליכע השערה, אז ווארעמקייט איז א מין בעוועגונג, אָבער דאָס אלץ איז נאָך ווייניג פאר אַנ'איצטיגען רעגעלען נאטור־פאָרשער, וועלכער בעגנוגענט זיך שוין ניט מעהר מיט בלויזע סברות. די אלע אויבענדערמאָנטע עקספּערימענטען זיינען געווען, אזוי צו זאָגען, בלויז א הקדמה צו דער איצטיגער „מעכאנישער ווערמע־טהעאָריע".

עס האָט נאָך אלס געפעהלט דער קוואַנטיטאַטיווער (דער כמות'דיגער) פערגלייך צווישען מעכאנישע קראפט און ווארימקייט; מען האָט נאָך קודם כל געמוזט בעווייזען מיט צאָהלען און מיט ציפער'ן, אז ניט נור קוואליטאטיוו, ניט נור אין דעם איכות, אין דעם „ווי אזוי", נור אויך קוואנטיטאטיוו, אין דעם כמות, אין דעם „ווי פיעל" זענען מעכאנישע־קראפט און ווארימקייט גלייך. און ערשט דאמאָלסט האָט מען געהאט ביכולת אויפצושטעלען די היפּאָטעזע — איך חזר איבער נאָך א מאָל די היפּאָטעזע בלויז — אז ווארימקייט איז א מין בעוועגונג.

דער ערשטער, וועלכער האָט בעמערקט אז צווישען ווארעמקייט און מעכאנישע־קראפט (ארבייט) איז פאראנען א קוואנטיטאטיווער צוזאמענהאנג איז געווען מייער, א פראקטישער דאָקטאָר. ער האָט בעמערקט, אז ביי די מענשען, וואָס וואָהנען אין די הייסע קלימאטען איז דאָס בלוט רויטער אלס ביי די מענשען פון די קאַלטע קלימאטען, אין די צפון־לענדער.

דאָס קומט דערפון — אזוי האָט געטראכט, און ריכטיג געטראכט, דער געלעהרטער דאָקטאָר מייער — ווייל אין די הייסע דרום־לענדער פערלירט דער מענש ווייניגער ווארעמקייט פון זיין קערפּער. ד. ה. דער קערפּער גיט אָב ווארעמער לופט ווייניגער ווארעמקייט אלס

אין די קאלטע געגענדען(*). אויף דעם חשבון פון דער איבערגעבליעבענער ווארימקייט ווערט דאס בלוט, דורך א געוויסען פראצעסס — וועלכען מיר וועלען דא וועגען פלאץ־מאנגעל ניט בעשרייבען — רויטער, ד. ה. די ווארעמקייט געהט איבער אין א געוויסער פארם פון כעמישער ענערגיע, אין א געוויכער פארם פון קערפער־בעוועגונג, פון בעוועגונג פון קליינעצקע מאססענטיילכעלעך, פון מאלעקולען.

דער מענשליכער קערפער איז א מין מאשינע; אין איהם ווערט כסדר דאס אדער יענעס פערברענט (די שפייז, וואס ער עסט, די לופט, וועלכע ער אטהעמט, ווערען אין איהם פערברענט, הגם אהן פייער, אבער בעצם איז דער גאנצער פיזיאלאגישער פראצעסס פון איבערקאכען די אכילות און אטהעמען א פראצעסס פון פערברענונג). דורך די פערברענונג, וועלכע עס קומט פאר אין זיין קערפער, ד. ה. דורך די שפייז, וועלכע ער עסט אין די לופט, וועלכע ער אטהעמט, האט ער ביכולת צו ארבייטען: צו געהן, צו שאקלען מיט די אברים, צו רעדען, צו טראכטען (דאס טראכטען מיט'ן מח איז אויך א געוויסע בעוועגונג פון די מארך־טיילכעלעך — אלזא אנ'ארבייט און דעריבער ווערט מען טאקע פון קאפ־ארבייט ניט ווייניגער אבגעמאטערט אלס פון גוף־ארבייט) און לכוף פשוט צו ארבייטען מיט'ן גוף, „לייסטען מוסקעל־קראפט", ווי די פיזיאלאגען זאגען. דער מענש פאברייצירט אלזא אין זיין ארגאניזם גופא פיעל ווארעמקייט און מיט זיינע אברים — ארבייט. ארבייטענדיג, פאבריצירט ער נאך א מאל חוצונות'דיגע ווארעמקייט, א חוץ זיין אינעווענינגסטע, קערפערליכע ווארעמקייט. „עס פרעגט זיך אלזא — שרייבט מייער — צו איז די צווייטע ווארעמקייט א הוספה, א צוקומעניש אדער זי שטאמט אויך פון דער פערברענונג פון שפייז אין דער לופט?"

אויב יא, איז דאך די צווייטע ווארעמקייט, וועלכע עס קומט אייגענטליך ניט דירעקט דורך פערברענונג, נור ווערט, אזוי צו זאגען, פריהער מגולגל אין ארבייט — דאך אזא מין ענערגיע ווי ארבייט גופא; אז ניט, ווי אזוי וואלט זי דורך ארבייט אריבער געהען אין ווארעמקייט?

„און אויב יא אזוי — לאזט אויס מייער זיין געדאנק — מוז דאך צווישען דעם סכום־ווארעמקייט, וועלכער עס ענטוויקעלט זיך אין דעם מענשליכען קערפער אין דעם סכום ארבייט ניט אנדערש זיין א געוויסער קוואנטיטאטיווער צוזאמענהאנג."

דערמיט איז אוועקגעלעגט געווארען דער גרונד־שטיין פון דער מעכאנישער־ווערמע־טהעאריע."

**) ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגעוויעזען, איז „די גאנצע מעשה א ליגען": אייזען־ברעקלער נעהמען אויף פונקט אזוי פיעל ווארימקייט, ווי פיעל שטיקער אייזען, נור דאמאלס איז דאס נאך געוועזן שווער צו בעשטימען גענוי און זיי האבען זיך דערוויילע אבגע'טענה'ט מיט זייער קאפ־סצרא.

*) דאס שטימט אויך פונקט מיט דעם געזעץ פון פרעוואָ, וועלכען מיר האבען בעשריעבען אין פאריגען ארטיקעל.

דיא אַמעריקען פעדערײשאַן אוו לײבאָר

איהר גרינדונג מיט 25 יאהר צוריק און איהר לעצטע קאָנווענשאָן אין פיטסבורג.

דיא פראגע פון דער אמעריקאנער טרייד־יוניאן בעוועגונג איז פאר דעם סאציאליסט אימער געוועזן א הארטער נוס צום קנאקען; און אז דער סאציא־ליסט וועט נאך האבען א שווערע ארבייט דורכצומאכען ביז ער וועט געפינען דעם ריכטיגען מיטעל דעם נוס צו צוקנאקען האט זיך לייכט ארויסגעצייגט ביי דעם לעצטען קאנווענשאן פון דיא אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר.

דיא אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר איז כמעט דיא גאנצע טרייד יוניאן בעוועגונג פון אמעריקא. מיר זאגען „כמעט“, ווייל עס איז אין דיעזען לאנד פאראן א קליינע צאהל יוניאנס, מיט א מעמבערשיפ פיעללייכט פון 200,000 מאן, וועלכע זיינען ניט פערבונדען מיט דיא אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר. מען מוז אבער זאגען אז ווען מען רעדט פון דיא אמעריקאן פעדערײשען אוו לייבאר מיינט מען אזוי גוט וויא דיא גאנצע טרייד יוניאן בעוועגונג.

דאס, נאטירליך, וואלט ניט געווען דער פאל, ווען די יוניאנס וואס זיינען מיט דיא אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר פון ווייטען וואלטען געטראגען א'ן אנדער כאראקטער, וואלטען געהאט אנדערע פרינציפען, און וואלטען פער־טראטען א'ן אנדער שטרעמונג. דער אמת איז אבער אז מיט דער אויסנאהמע פון דיא ניט לאנג צוריק ארגאניזירטע „אינדאסטריאל וואיר־קערס אוו דהי וואירלד“ זיינען אלע אונאבהענ־גיגע טרייד יוניאן ארגאניזאציאנען פון אונגע־פעהר דעם זעלבען סארט וויא דיא, וועלכע בעלאנגען צו דיא אמעריקאן פעדערײשען אוו לייבאר.

דערפאר טאקי איז א יעהרליכע קאנווענשען פון דיעזען פערבאנד א גאנץ וויכטיגע זאך. אזא קאנווענשען פערטרעט ניט ווייניגער וויא 9 צעהנטלאך פון אמעריקא'ס ארגאניזירטע ארבייטערקלאסע, א'ן ארמעע פון א'ן 18 הונ־דערט טויזענד פראלעטאריער.

דיא לעצטע קאנווענשאן, וועלכע האט אב־געשלאסען דעם ערשטען פערטעל יאהרהונדערט פון דער עקזיסטענץ פון דיא אמעריקאן פעדע־רײשאן אוו לייבאר, איז אבגעהאלטען געווארען אין דער אינדוסטריעלער שטאדט פיטסבורג. פרעזידענט סעמיועל גאמפערס האט דיא קאנ־ווענשען ערעפענט אם מאנטאג, דעם 13טען נאוועמבער, און האט זיא געשלאסען אין צוויי וואכען ארום שבת, דעם 25טען.

ניט אלע מאל האט מען א געלעגענהייט צו זעהן וויא א'ן ארגאניזאציאן וועלכע האט זיך געגרינדעט אין א געוויסער שטאדט זאל אין 25 יאהר ארום אבהאלטען א קאנווענשען אין דערזעלבער שטאדט, זייענדיג 9 מאל אזוי שטארק איז צאהל פון מיטגליעדער וויא זיא

איז געווען. דיא געלעגענהייט דאס צו זעהן האבען געהאט דיא יעניגע, וועלכע האבען ביי־געוואהנט דיא לעצטע קאנווענשען פון דיא אמעריקאן פעדעריישען אוו לייבאר.

דער ערשטער שריט, דער גרונדשטיין פאר דיא גרינדונג פון דיעזען פערבאנד, איז געמאכט געווארען אין פיטסבורג אין דעם יאהר 1881. דאמאלס האט נאך עקזיסטירט דער פער־באנד „נייטס אוו לייבאר". דיעזע לעצטע קער־פערשאפט האט זיך פערבונדען מיט אנדערע צוואוארפענע קערפערשאפטען, מען האט געגרינ־דעט א נייעם פערבאנד און מען האט דאס נייע קינד א נאמען געגעבען „פעדעריישען אוו אר־גאנייזד טריידס ענד לייבאר יוניאנס אוו דהי יונייטעד סטייטס ענד קענעדע".

דיא „נייטס אוו לייבאר" האט דורך דעם ניט אויפגעגעבען איהר אונאבהענגיגען עקזיס־טענץ. פערקעהרט! זיא האט געזוכט איהר ספעציעלע ארגאניזאציאנספארמע שטארקער צו מאכען אויפ'ן קרומען אזוי גוט וויא אויפ'ן גלייכען וועג. דאס האט געפיהרט צו שארפע סכסוכים צווישען דיא „נייטס אוו לייבאר" און דיא אנדערע ארגאניזאציאנען. אויף דיא פאל־גענדע קאנווענשענס פון דיא „פעדעריישען אוו ארגאנייזד טריידס ענד לייבאר יוניאנס" האט מען דיא „נייטס אוו לייבאר" בעשולדיגט אין אריינ־נעהמען צו זיך אלס מעמבערס אזעלכע וואס זיינען סוספענדירט אדער אויסגעשטויסען גע־ווארען פון אנדערע יוניאנס. עס זיינען איבער אזעלכע קריגערייען געקומען צו שפאלטונגען, מיט דעם ענדליכען רעזולטאט, דאס אין יאהר 1886, אויף א קאנווענשען אין דער שטאדט קאלאמבוס, אהייא, איז בעשלאסען געווארען אז דיא „פעדעריישען אוו ארגאנייזד טריידס ענד לייבאר יוניאנס" זאל הייסען „אמעריקען פעדעריישען אוו לייבאר". זייט דאן איז דיא „נייטס אוו לייבאר" פערבליעבען א קלייזעל פאר זיך אליין, און זיא איז פון יאהר צו יאהר אלץ שנעלער אונטערגעגאנגען.

אין גרונד גענומען, ד. ה., אין איהר פלאט־פארמע און אין איהר קאנסטיטוציאן, אין איהר כאראקטער פון דער מעמבערשיפ און אין איהר ארגאניזאציאנסגעבוי, איז דיא נייגעגרינ־דעטע אמעריקאן פעדעריישען אוו לייבאר פער־בליעבען אין דעם יאהר 1886 דיעזעלבע וויא דיא „פעדעריישען אוו ארגאנייזד טריידס ענד לייבאר יוניאנס". דערפאר רעכענט טאקי אריין דיא אמעריקען פעדעריישען אוו לייבאר דיא יאהרען 1881—1886 אין איהר אייגענע געשיכטע. דערפאר האט זיך דיא לעצטע קאנווענשען אין פיטסבורג געהאט דאס רעכט צו רופען „25טע יעהרליכע", אבוואהל אין דער ווירקליכקייט איז דיא לעצטע קאנווענשען פון דיא אמעריקאן פעדעריישען אוו לייבאר געווען ניט מעהר וויא דיא 20טע יעהרליכע.

עס איז קיין צווייפעל ניט דאס דיא יעניגע ארבייטער־פיהרער וועלכע האבען בייגעוואהנט דיא ארגאניזירונג פון דיא „פעדעריישען אוו ארגאנייזד טריידס ענד לייבאר יוניאנס" אין 1881 און זיינען אויך געווען אנוועזענד אויפ'ן לעצטען קאנווענשען פון דיא „אמעריקאן פעדע־ריישען אוו לייבאר" — יעס, קיין צווייפעל איז עס ניט דאס דיעזע ארבייטערפיהרער האבען מיט שטאלץ געקענט קוקען אויף זייער ארבייט. ווארום אויב קוואנטיטעט האט עפעס א ווערטה, דאן האט אלעס געשיינט זעהר גרויס אין זייערע אויגען. אין פערגלייך מיט 25 יאהר צוריק איז דער יעצטיגער פערבאנד פון דיא אמעריקאנער טרייד יוניאנס א ריעזענמאכט.

לויט דעם רעפארט פון סעקרעטער פרענק מאריסאן האט זיך אפילו ארויסגעצייגט דאס אין דיא 12 חדשים פון סעפטעמבער, 1904, ביז סעפטעמבער, 1905, איז דיא אמעריקאן פעדעריי־שען אוו לייבאר עטוואס צוריקגעגאנגען אין דיא צאהל פון מעמבערס און אויך אין דיא געלד־אייננאהמען, דאך האט דער פערבאנד נאך אלץ ניט פיעל ווייט פון א'ן 1,800,000 מעמבערס. מען מוז זאגען דאס די ריכטיגע צאהל פון גוטשטעהענדע מעמבערס, פאר וועלכע דיא יוניאנס צאהלען פער־קאפיטא־טעקס צו דיא אמעריקאן פעדעריישען אוו לייבאר, זיינען מיט אונגעפעהר א 150,000 וועניגער. אבער מען דארף ניט פערגעסען אז דאס איז וויל פיעלע יוניאנס צאהלען אפט פער־קאפיטא־טעקס פאר אביסעל וועניגער מעמבערס וויא זיי האבען.

דעם גרויסען וואוקס אין דיא צאהל פון איהרע גוטשטעהענדע מעמבערס קען מען זעהן אויף א קארטע וועלכע דיא אמעריקאן פעדעריי־שען אוו לייבאר האט געהאט אויסגעשטעלט, צוזאמען מיט אנדערע זאכען, אויף דער וועלט־אויסשטעלונג אין סט. לואיס. אין דעם יאהר 1897 האט זיא ניט געהאט מעהר וויא א 260,000 מעמבערס. א יאהר שפעטער האט זי געצעהלט נור א 15,000 מעהר. אבער דערפאר איז שוין אין 1899 דיא צאהל געווארען 400,000 און אין 1900 נאהענט פון 550,000. נאכדעם אין דער

וואוקס אנגעגאנגענע ראשיג. אין 1901 האט דיא אַמעריקאַן פעדערײשען אָוו לייבאָר געקראגען פער־קאפּיטא־טעקס פאר 787,537 מעמבערס, און אין 1902 איז דיא צאהל א שפרונג געטאן אויף איבער א מיליאן (1,024,399). אין 1903 האט דער סעקרעטער רעפּאָרטעד אויף דעם ניו־אָרלינס קאנווענשען 1,465,800, און אויף דעם סאן פראנציסקא קאנווענשען אין 1904 איז דיא צאהל אויפגעהויבען געווארען ביז 1,676,200. אויף דעם לעצטען קאנווענשען אין פּיטסבורג איז דיא צאהל פון מעמבערס ניט רעפּאָרטעד געווארען; און אזוי וויא דריי קליינע אינטערנײשאָנאל יוניאָנס זיינען צו גרונדע געגאנגען און פון איין אינטערנײשאָנאל יוניאָן האט מען דעם טשאַרטער צוריקגעצויגען, קען מען פערשטעהען, אז דיא מעמבערשיפּ פאר וועלכער עס איז ביז סעפּטעמבער, 1905, געצאהלט געווארען פער־קאפּיטא־טעקס בעטרעפט אונגעפעהר א מיליאן און זעקס הונדערט פונפציג טויזענד. מיר זאגען אבער ווידער אמאל אז צו דעם דארף מען צורעכנען א 150,000 מעמבערס אין דיא יוניאָנס פאר וועלכע פער־קאפּיטא־טעקס ווערט ניט געצאהלט, ווייל זיי זיינען ניט גוטשטעהענד.

דעמזעלבען פארשריט קען מען אויך מערקען אין דיא געלד־איננאהמען. דיא איננאהמען פון דיא „פעדערײשען אָוו ארגאנייזד טריידס ענד לייבאר יוניאָנס" פאר דעם ערשטען יאהר פון איהר עקזיסטענץ האבען בעטראפען $174.95. דעם יאהר נאכדעם איז דיא סוממע געווען נאך מיט א $50 ווענייגער. אין דעם ערשטען יאהר ווען דער פערבאנד האט זיך א נאמען געגעבען „אַמעריקאַן פעדערײשען אָוו לייבאָר" זיינען דיא איננאהמען געווען גאנצע $474.11. אין 1890 האט שוין דיא סוממע בעטראפען $23,849.74, און פאר 9 יאהר נאכדעם איז דיא סוממע געווען אלץ ווענייגער. אבער אין 1899 האבען דיא איננאהמען בעטראפען $36,757.13 א יאהר שפּעטער $71,125.82, אין 1901 האט דיא סוממע א שפרונג געטאן אויף $115,220.89, אין 1902 144,498.21, און אין 1903 זיינען שוין דיא איננאהמען געווען $247,802.96. זייט דאן זיינען דיא איננאהמען געווארען עטוואס ווענייגער. אין 1904 איז רעפּאָרטעד געווארען נור $220,995.97 און אויף דער לעצטער קאנווענשען אין פּיטסבורג נאך ווענייגער — $207,417.62.

אלס א בעווייז פון דיא אויבערפלעכליכע מאכט פון דיא אַמעריקאַן פעדערײשען אָוו לייבאר מעג מען דערמאהנען דיא מעהר וויא הונדערט אפיציעלע זשורנאלען, וועלכע ווערען ארויסגעגעבען פון דיא פערשיעדענע אינטערנײשאנאל און אנדערע יוניאָנס. א חוץ דיעזע ווערען אין אמעריקא ארויסגעגעבען א 150 טרייד־יוניאָן־ און לייבאר־זשורנאלען פון פּריוואט פירמעס און פערשיעדענע פּאבלישינג אסאסיאיישענס, וואס דאס איז אויך א בעווייז פון דעם גרויסען פעלד איבער וועלכען דער טרייד־יוניאָניזמוס איז אויסגעברייטעט.

פון דעם קען מען אלזא זעהן דאס דיא בליהענדסטע צייט פאר דיא אמעריקאנער טרייד־יוניאָנס איז געווען נאך דעם אנפאנג פון דיא ערשטע מעקקינלי אדמיניסטריישען, אין 1897, ביז דעם אנפאנג פון רוזוועלט'ס אדמיניסטריישען אין 1904. דאס איז אויך געווען דיא בליהענדסטע צייט פאר גרויס־קאפּיטאל; און ביי א'ן אנדער געלעגענהייט וועט זיך לוינען צו אונטערזוכען גרינדליך דעם צוזאמענהאנג צווישען ביידע — דעם וואוקס פון קאפּיטאל און דעם וואוקס פון טרייד־יוניאָניזמוס.

אבער טראָטץ איהר גרויסע מעמבערשיפּ, טראָטץ איהר גרויסע צאהל יוניאָנס, טראָטץ איהר גרויסע איננאהמע, טראָטץ איהר גרויסע פּרעסע, איז דיא אַמעריקאַן פעדערײשען אָוו לייבאָר א *מאכטלאזע* ארגאניזאציאָן. זיא איז א ריעזע וואס קען זיך ניט קעהרען, און דאס האט זיך ארויסגעצייגט ביי דיא לעצטע קאנווענשען אזוי וויא ביי אלע פריהערדיגע קאנווענשענס.

מען קען נאטירליך ניט לייקענען דאס פיעלע פון דיא יוניאָנס וועלכע זיינען פערבונדען מיט דיא אמעריקאן פעדערײשען אָוו לייבאָר זיינען ווירקליך מעכטיג אבער דיא א. פ. אָוו. ל. *אלס א פערבאנד*, אלס א פערטרעטערין פון דיא ארגאניזירטע ארבייטערקלאסע, איז *אהן ווירקליכע* מאכט. זיא האט קיין ערפאלג נאך ניט געהאט אין אירגענד וועלכע וויכטיגע אונטערנעהמונג.

דיא אורזאכען פון דעם זיינען פערשיעדענארטיגע. אבער צוויי פון דיעזע אורזאכעןווארפען זיך אין דיא אויגען. ערשטענס איז דיא *ארגאניזאציאָנספאָרמע* פון דעם פערבאנד אזא וואס מאכט אונמעגליך פאר איהר צו אונטערנעהמען גרויסע זאכען; און, צווייטענס, איז דער קאנסערוואטיווער און רעאקציאנערער כאראקטער פון פיעלע פון איהרע גרעסטע יוניאָנס וויא א שטיין אין וועג פון דורכפיהרען

גרויסע אונטערנעהמונגען. דערפאר איז דאס טאקע דיא „מעכטיגע“ אמעריקאן פעדערײשען און לייבאר „מאכטלאז“.

דיעזע לעצטע בעהויפטונג שיינט אפילו צו זיין ווידערשפרעכענד. אבער דאס איז דאך דער אמת. לפנים, נאך דעם אויסזעהען, איז דיא אמעריקאן פעדערײשאן און לייבאר א מאכט. אין דער ווירקליכקייט איז זיא עס אבער ניט.

דער וואס פערשטעהט דאס ניט קלאר, האט בעדארפט זיין אויף'ן לעצטען קאנווענשאן אין פיטסבורג. ער וואלט דאן געזעהן וויא אזוי דיא אמעריקאן פעדערײשאן און לייבאר איז ווייט פון זיין דיא ענג־פערבונדענע, סאלידארע ארבייטער־מאכט וואס זיא שיינט צו זיין. ער וואלט דאן געזעהן דאס דיא אמעריקאן פעדערײשען און לייבאר איז ניט מעהר וויא א גרויסער גוף אהן א נשמה.

אין אלע פערהאנדלונגען ביים לעצטען קאנווענשען איז ניט אויפגעווארפען געווארען קיין איין פראגע וואס זאל זיין פון אלגעמיינעם אינטערעסע פאר דער גאנצער ארבייטער־קלאסע פון אמעריקא. כמעט יעדע פראגע וואס איז דיסקוטירט געווארען האט אנגעריהרט לאקאלע אינטערעסען — דיא אינטערעסען פון איינצעלנע טריידס; און עס האט אויסגעוויזען אזוי וויא דיא קאנווענשאן וואלט געווען א צוזאמענפאהר פון דעלעגאטען, וועלכע פערטרעטען נור פערשיעדענע ביזנעס־אינטערעסען און וועמעס ספעציעלער צוועק איז צו פערכאפען אליין מעהר טובות פאר זיך.

נאטירליך, וויא יעדען יאהר האבען דיא ראדיקאלע דעלעגאטען, ספעציעל דיא סאציאליסטישע, אויך אויף דיעזער קאנווענשאן געוואלט אויפהעבען אלגעמיינע לעבענס־פראגען פאר דיסקוסיאן, אבער זיי זיינען צווישען זיך געווען אזוי ווייניג פעראייניגט, אז די מאיאריטעט האט קיין שום שוועריגקייט ניט געהאט צו דערשטיקען יעדען פערזוך אריינצובלאזען א שטיקעל נשמה אין דעם פערבאנד. אלע פלענער פון וויקטאר בערגער, וועלכער האט פארגעלעגט א גאנצע סעריע ראדיקאלע רעזאלוציאנען (איבער פענסיאנען פאר ארבייטער, איבער מיליץ, איבער „אינדאסטריעליזם“, איבער ארבייטער־אינשורענס, און איבער דיא סיוויק פעדערײשען), זיינען צופאלען וויא א פאפירענע הייזקע אין ווייניגער וויא א שטונדע צייט. אין נאך ווייניגער צייט האט דיא קאנווענשען בעגראבען דיא סאציאליסטישע רעזאלוציאנען פון די קעפמייקערס און דיא סענטראל לייבאר יוניאן פון ווילקעסבאר. מען האט זאגאר דיא אלע רעזאלושענס ניט געשענקט דיא אויפמערקזאמקייט, וואס עס פערדיענט יעדער ערנסטער פארשלאג; און אבוואהל איז דעם זיינען שולדיג דיא ראדיקאלע דעלעגאטען זעלבסט, דורך דעם וואס זיי זיינען צווישען זיך ניט געווען פערבונדען, דאך כאראקטעריזירט עס דעם גייסט וואס האט געהערשט אויפ'ן קאנווענשען.

דיא לידערס פון דיא טרייד יוניאנס קוקען אויף דער ארבייטער־בעוועגונג אזוי וויא א ביזנעסמאן אויף זיין געשעפט. קומענדיג אויף א קאנווענשען, מיט דעם צוועק צו דעבאטירען טהעארעטישע פראגען, איז א זאך וועלכע זיי בעגרייפען ניט. דאס איז וויא ביי דער גאנצער אמעריקאנער נאציאן. אין דיעזער מדינה איז מען ניט געוואהנט צו אזעלכע דעבאטען וויא מען הערט אויף ארבייטער־קאנגרעסען און זאגאר אין דיא פארלאמענטען פון אייראפא.

און עס איז דיעזער קאלטער ביזנעס־גייסט וואס מאכט פון דער טרייד יוניאן־בעוועגונג א גוף אהן א נשמה. יעדע טרייד יוניאן איז פערטאן אין איהרע אייגענע אינטערעסען און גיט ניט אב קיין צייט, קיין ענערגיע, און קיין אויפמערקזאמקייט צו די אלגעמיינע אינטערעסען פון דיא ארבייטער אלס א קלאס. אין אנדערע ווערטער, אין דער אמעריקאנער טרייד יוניאן־בעוועגונג איז דא צו ווייניג אידעאל, צו ווייניג שטרעבונג נאך יענעם העכערן סארט לעבען, וועלכער פעהלט אין דער עקזיסטירענדער בורזשואזער וועלט.

פאר דיא סאציאליסטען פון אמעריקא איז דאס, פערשטעהט זיך, ניט קיין נייעס. זיי האבען גענוג מיה אוועקגעלעגט צו מאכען דיא יוניאנס פאר א גרעסערע מאכט אין דער ווירקליכקייט וויא זיי זיינען. זיי האבען זאגאר פיעל געאפפערט.

אבער פון דעסטוועגען איז ניטא קיין גרונד צו זיין פעסימיסטיש איבער דיעזער פראגע. עס זיינען דא אורזאכען צו דענקען אז עס איז נאך דא פיעלעס וואס סאציאליסטען קענען טהאן, אבער זיי האבען נאך ניט געמאכט דעם פערזוך. מעגליך אז מען וואלט דיא פראגע גוט דורכגעשטודירט וואלט מען איינגעזעהן אז דיא סאציאליסטען אליין זיינען שולדיג אין דעם וואס זיי איז נאך גאר ניט געלונגען איינצוברעכען

דיא דיקע קאָנסערוואַטיווע וואַנד וואָס צאַמט
ארום דיא יוניאָנס.

קײן סיסטעמאַטישע, אָרגאַניזירטע און
פעראײניגטע פערזוך צו בעאײנפלוסען דיא
אַמעריקאַנער יוניאָנס האָט מען נאָך געװיס ניט
געמאַכט; און דער שרײבער פון דיעזע צײלען
איז איבערצײגט אַז דאָס איז יעצט דער אײנ־
ציגער מיטעל וואָס דאַרף פּראָבירט װערען.
אַבער אַלעס דאַרף געטאַן װערען אָהן שטורם,
אָהן געוואַלט, אָהן הימעל־ און ערד־רײסעניש.

דיא אַמעריקאַנער טרײד יוניאָנס זײנען
נײטראַל אין פּאָליטיק. קײן פּאַרטײ־פּאָליטיק
אַנערקענען זײ ניט. דיא קאָנסטיטוציאָן פון
דיא אַמעריקאַן פעדערײשען אָוו לײבאָר פער־
באָט עס. אַבער אַרבײטער־פּאָליטיק
ווערט יא אַנערקענט. זאָגאַר אויף'ן
לעצטען קאָנווענשען איז אָנגענומען געוואָרען א
רעזאָלושען, וועלכע פאָדערט אויף אַלע יוניאָנס
עפענטליך צו בעקעמפּפען דיא
געזעץ־מאַכערס, וואָס שטימען אין דיא לעדזשיס־
לײטשורס און קאָנגרעס געגען אַרבײטער־
אינטערעסען און צו העלפען דיא,
וועלכע שטימען פאַר אַרבײטער־אינטערעסען.
אַט אַז דיעזע פּאָליטישע נײטראַליטעט
האָבען דיא סאָציאַליסטען א גרונד אויף וועלכען
זײ קענען זיך שטעלען. אויף א'ן אָרגאַניזירטען
אופן האָבען דיא סאָציאַליסטישע יוניאָן־לײטע
בעדאַרפט אָנװענדען זײערע כוחות, אַז דיא בע־
שליסע וועגען בעקעמפּפען דיא, וועלכע שטימען
געגען אַרבײטער־אינטערעסען זאָלען שטרענג
דורכגעפיהרט װערען; און דאָס וואָלט אין דער
צײט געמוזט פיהרען צו דער אַנערקענונג, אַז
אַרבײטער־פּאָליטיק איז אײגענטליך
סאָציאַליסטישע פּאָליטיק, און אַז
צו בעשיצען דיא אינטערעסען פון די אַרבײטער
קענען נור דיא וועלכע זײנען
אָנגעפילט מיט'ן גײסט פון
סאָציאַליזמוס.

דאַן וואָלט דיא אַמעריקאַן פעדערײשען גע־
האַט א נשמה. איהר גרויסער גוף וואָלט זיך
געקעהרט און בעוועגט מיט לעבען. מיט אַזאַ
גרויסע צאָהל מעמבערס וויא זיא האָט, וואָלט
זיא דאַן אין דיזער רעפּובליק געוואָרען דיא
גרעסטע סאָציאַלע קראַפט, און איהר אײנפלוס
וואָלט זיך ערשט געפיהלט אין יעדען גרויסען
קאַמפּף **צווישען אַרבײט און קאַפּיטאַל**.

װ. עדלין.

די פּאָגראָמען און די אַמעריקאַנער אידען

דער בעריהמטער ענגלישער פילאָ־
זאָף־היסטאָריקער טהאָמאַס קאַר־
לײל פערזיכערט אונז, אַז דיא
נײע היסטאָריע פאַנגט זיך אַן
פון לוטהער'ס ווערטער:

„היער שטעהע איך אונד קאַנן
ניכט אַנדערס. גאָטט העלפע מיר!"

אויף פּראָסט אידיש הײסט עס: איך בין
פעסט איבערצײגט, אַז מײן אידעאַל איז א'ן
אמת'ער, אַנדערש דענקען און גלויבען קען איך
ניט.

אויף דיעזען געדאַנק האָט מיך אַרױפגע־
בראַכט דער טומעל, וואָס הערשט דיא לעצטע
צײט אין דער אידישער גאַס און אין דער אידי־
שער פּרעסע דאָ אין אַמעריקא.

א, הימעל! וואָס פאַר א דור הפלגה עס
איז מיט אַמאָל אַרױסגעשוואָומען בײ אונז דאָ
נאָך דעם מבול פון בלוט דאָרט, אין רוסלאַנד;
וואָס פאַר א'ן אונאָרדנונג איז דיא מוחות נאָך
דעם שרעקליכען חורבן אין רוסלאַנד!

װיעדער האָבען אָנגעהויבען צו קלינגען דיא
אַלטע גלעקער, וויעדער זינגט מען דיא אַלטע
מאָטיווען: „אהין, אהין, וואו ציטראָנען בליהען"!
וויעדער שלאָגט מען אויף דיא נאַאיווע געפיהלען
פון דער מאַסע, אויף דיא קראַנקע, צובלוטיגטע
הערצער פון דיא אידען. און זעלטען ווען אײ־
נער נעהמט זיך א ביסעל טיעפער און ערנסטער
אײנטראַכטען אין דער זאַך: אפשר בעגעהט
מען א פעהלער מיט דיא נײ־אַלטע עצות, א
פעהלער, וועלכען עס וועט שפּעטער שווער זײן
צו פערריכטען?

איך רעד דאָ וועגען דיא אַלטע און נײע
נאַציאָנאַליסטען, בעזאָנדערס וועגען דיא לעצטע,
וועלכע האָבען אַרױסגעשפּראַצט אויף אונזער
גאַס פון דער מאַסע אַסימילאַטאָרען נאָך דעם
בלוט־רעגען אין רוסלאַנד. פּערזאָנען, וועלכע
האָבען אימער געלאַכט אין דיא הויפּענס, ווען
זײ האָבען געהערט רעדען וועגען א בעזונדערען

אידישען גייסט, אידישע פסיכאלאגיע און אי־
דישען כאראקטער, וועגען נאציאנאלע אידישע
שטרעבונגען און לעבענסלוסט, — אזעלכע פער־
זאנען זיינען פלוצים געווארען געוואלדיגע בעלי
תשובות און אנגעהויבען צו שרייען, אז דער איד
מוז ארויס פון גלות, אז ער מוז האבען א'ן אייגע־
נע היים—און דיזע היים מוזען מיר, אמעריקא־
נער איינוואהנער איהם שאפען.

וויא וועניג דיזע רפואה קען העלפען און
וויא אונמעגליך עס איז איהר דורכצופיהרען, איז
שוין גענוג בעוויזען געווארען. פאר אונז
איז יעצט וויכטיג נור דער פאקט,
אז נאך דיא שרעקליכע בשורות פון רוס־
לאנד איז דא געווארען א מין כל ישראל מאניע:
אלע מוזען זיך פעראייניגען, יעדער מוז זיך
ענטזאגען פון זיינע איבערצייגונגען, פון זיין
אידעאל, פון זיינע אנשויאונגען אויף דיא פאסי־
רונגען אין רוסלאנד און אויף דיא אורזאכען פון
דיא פאגראמען, — יעדער מוז אויפגעבען זיין
א י ד אין נאמען פון כלל ישראל. און ווירק־
ליך, אלע סארטען פרעדיגער, וועמען עס פעהלט
דער פעסטער זיכערער באדען פון פעסטע זיכערע
איבערצייגונגען, דיא אלע, וועלכע האבען אין
זייער צומישטקייט ניט געקענט זאגען: „היער
שטעהע איך“! — זיי אלע האבען ברידערליך
געגעבען דיא הענד צו דיא פינסטערלינגע פון
אונזער קווארטאל — צו דיא פארשטעהער פון
„טאגעבלאט“ און „מארגען זשורנאל“.

—ווער מיר סאציאליסט, ווער מיר רעוואלו־
ציאנער, ווער מיר פריוהייטס־קעמפפער? ! י ע ־
ד ע ר א י ד מוז פערדאמען י ע ד ע ן ג ו י פון
רוסלאנד; יעדער איד מוז אנטאן א טרויער־ציי־
כען און זיך אנשליסען אין א ניי־געבארענער
אמעריקאנער „אל מלא רחמים“־ארגאניזאציאן!
און מיט דער אויסנאהמע פון „בונד“ האבען דאס
געטאן אלע רעוואלוציאנערע און האלב רעוואלו־
ציאנערע פארטייען.

און דיא רויטע פאהן פון רעוואלוציאן האט
געפלאטערט צוזאמען מיט דעם שווארצען גייסט
פון פאנאטיזמוס און פינסטערניש און עס איז
געווען שווער צו זאגען: ווער וועמען עס האט
פערדונקעלט?

אבער ניט לאנג האט מען בעדארפט ווארט־
טען; עס האט ניט גענומען לאנג, ביז דער „מארגען
זשורנאל“ האט געלאזט פיהלען זיינע נייע
„קאמפפס־גענאסען דעם ריח־נחוח פון זיין סם־
המות'דיגער רעדאקציאן. עס איז נאך ניט ארוי־
בער קיין „שבעה“ ביי דיא אבלים, ווען דער לינ־
קער פליעגעל פון דעם נייעם אידישען גארניזאן
האט זיך איבערצייגט, אז דעם „טאגעבלאט'ס“
נצחון איז זיין גרויסע מפלה. דיא אלע, ביי וועמ־
מען עס איז נאך געבליעבען א פונק ראדיקאליז־
מוס, האבען זיך געמוזט ארומזעהען, אז טראץ
דיא געשרייען: „היינט זיינען מיר אלע אידען און
היינט זיינען פערשוואונדען אלע מיינונגס־און
קלאסען־פערשיעדענהייטען ביי אידען“, — זיינען
זיי, דיא ראדיקאלען אזוי ווייט פון דיא אידישע
פינסטערלינגע, וויא פון דיא גוי'שע.

דער „בונד“, וועמען מען האט אזוי געזי־
דעלט און געשימפפט פון אלע זייטען, ווארום
ער האט זיך ניט משדך געווען מיט דער היגער
יארמולקע. האט דאס פאראויסגעזעהן. דער
„בונד“ וואלט געווים געווען געמאכט פיעל מעהר
געלד פאר זיך, ווען ער וואלט כאטש אויף א
ווייל זיך פעראייניגט מיט זיינע שטענדיגע
שונאים, כאטש אויף א קורצע צייט פערשוויגען
זיינע סאציאליסטישע פרינציפען. ער האט
אבער געוואוסט וואס פאר א געפעהרליכע מאכט
וואלט ער דורך דעם געווען געגעבען דיא ביטערע
שונאים פון פארטשריט, וועלכע ווילען ניט ווי־
סען דיא אמת'ע לאגע אין רוסלאנד און העצען
דאס אידישע פאלק געגען יעדען „גוי“. דער
„בונד“ האט געוואוסט, אז דיא פאגראמען קען
מען מיט קיין „גוט אויג“ ניט אבשפרעכען;
וויא אלע ניכטערע מענשען, וויא דיא אלגעמיינע
און אידישע פרעסע אין רוסלאנד, האט דער
„בונד“ געוואוסט, אז אלע קרעפטען מוזען אנ־
געווענדעט ווערען געגען דעם וויכטיגסטען און
געפעהרליכסטען שולדיגען — געגען דיא רוסישע
דעספאטיע. דער „בונד“ האט געוואוסט, אז
העלפען דיא אידען איז אים שטאנד נור דער
רעוואלוציאנערער קאמפף און ער האט זיך דא־
רום ניט געקענט פעראייניגען אפילו אויף א
ווייל מיט דיא, וואס בעקעמפפען אימער דיא
רעוואלוציאנערען. דער „בונד“ האט ניט געקענט
פערקויפען זיין בכורה פאר א פאר דאלאר, ווייל די
ביז לילה ארויסגעקומענע ארגאניזאציאן האט
געטראגען א צווייפעלהייפטען כאראקטער.
אויב אימיצער האט געוואלט העלפען אדער אגי־
טירען פאר זעלבסטפערטהיידיגונג, ווארום האט
ער דאס ניט געטאן אונטער דער פאהן פון
„בונד“ אדער „פועלי ציון“? ווארום איז נויטיג
געווען צו עפנען נאך א קרעמעל?

און דיא „פועלי ציון“ גופא?

שוין מעהר פון א יאהר זייט דיא
„פועלי ציון“ האבען זיך אויסגעשפראכען

פאר'ן פאליטישען קאמפף און האבען זיך ערקלערט זאגאר פאר אנהענגער פון סאציאליזמוס. זייערער א רוסישער חבר (וו. זשאבאטינסקי) האט שוין אפילו אנגעטאפט דעם דופק ביים רוסישען סאציאלדעמאקראטישען פיהרער פלעכאנאוו, צו מען וועט זיי געבען א „הכשר“ און זיי לאזען זיין פערטראטען אויף דעם נעכסטען סאציאליסטישען קאנגרעס. נון, ווארום האבען זיי צוריקגעוויזען דיא איינלאדונג פון „בונד“ צוזאמען צו שאפען דיא מיטלען פאר דיעזען צוועק? ווארום האבען זיי ליעבער אויסגעקליבען דיא חברותא פון „טאגעבלאט“ עט קא.? ווארום האבען זיי פערשוויגען דיא העסליכע פערלוימדונגען פון „מארגען זשורנאל“ און „אבענדפאסט“?

אגב אורחא וויל איך בעמערקען, אז דיעזען פארוואורף קענען מיר מאכען ניט נור דיא „פועלי ציון“ אלס ארגאניזאציאן; מיר קענען און מיר מוזען אויסשפרעכען אונזער פערדרוס אויך אויף דיא היגע סאציאליסטישע צייטונגען. ווען דיא אפענע אטאקע פון דיא קאפיטאליסטישע שרייבער אויף דיא אמעריקאנער פארשטעהער פון „בונד“ האט אויסגעבראכען דערפאר, וואס די לעצטע האבען זיך ניט געוואלט פעראייניגען מיט זיי, דאן האט קיין אידישע סאציאליסטישע צייטונג ניט געהאט דעם מוטה זיך ערקלערען, אז זיא, אלס סאציאליסטישע צייטונג איז איינשטימיג מיט דער טאקטיק פון דעם „בונד“.

דער „פארווערטס“ האט זיך געהאלטען אן א זייט, ניט אויסשפרעכענדיג קיין מיינונג. דיא „וואהרהייט“ האט זאגאר געשענקט איהר סימפאטהיע צו דיא געגנער פון „בונד“. אין איין לייט־ארטיקעל האט זיא זאגאר געווארנט דיא בונדיסטען, אז זיי זאלען אויף זיך ניט נעהמען דיא פעראנטווארטליכקייט פאר דיא בלוט, וועלכע וועט פערגאסען ווערען דורך זייער שולד. וואס פאר א איראניע!

און אונטערשטיצט פון איין זייט און ניט בעגעגנענדיג קיין שום שטערונג פון דער צווייטער זייט, האבען זיך דיא צוּוישעטע פינסטערלינגע ארויפגעווארפען מיט זייער גאנצער קראפט שוין ניט אויף דיא היגע בונדיסטען, נאר טאקי אויף דיא העלדישע און זעלבסטאויפאפפערנדע קעמפפער — מארטירער פון'ם אידישען פאלק, אויף דיא בונדיסטען אין רוסלאנד; מיט דיא שמוציגסטע זלזולים און פערלוימדונגען האבען זיי בעגלייט צו דער אייביגער רוהע די געפאלענע הייליגע קינדער, דיא נייע גרויסע מאקאבעער פון דעם אידישען פאלק, וועלכע דער „בונד“ האט ערצויגען. עס געהט ניט פארביי קיין טאג, וואס דער „טאגעבלאט“, דער „מארגען זשורנאל“ אדער „די אבענדפאסט“ זאלען ניט שימפפען און פערלוימדען דיא „בונדיסטען. און ביז יעצט, ווען איך שרייב דיעזע ציילען, האט נאך קיין צייטונג, אויסער דעם וועכענטליכען „ארבייטער“, ניט געפונען פאר נויטיג און פאר איהר פפליכט צו פערמאכען דיא מיילער פון די שרייבקנעכט פון יענע צייטונגען. איך וויל אבער האפען, אז ביז מיין ארטיקעל וועט ערשיינען אין דרוק, וועלען דיא טעגליכע סאציאליסטישע צייטונגען טהון זייער פפליכט.*)

* * *

אויף דיא פראגע: „וואס זאל מען טהון? וויא זאל מען העלפען דעם אידישען פאלק? איז דא נור איין ענטפער, דער אלטער ענטפער: קעמפפען!

עס איז ניט נור לעכערליך. עס איז פשוט א פערברעכען צו דענקען יעצט וועגען א'ן אייגענע טעריטאריע; עס איז א פערברעכען דערפאר, ווייל יעדער ברעקעל ענעריגע וואס ווערט אוועקגעגעבען אויף זייטיגע זאכען, אויסער דעם דירעקטען און אפענעם קאמפף מיט דער רוסישער דעספאטיע און איהרע געדונגענע באנדעם; יעדע גרעסערע אדער קלענערע ארבייט, וועלכע ווערט ניט געטאן שוין, באלד, אויפ'ן פלאץ; יעדע מינוט, וואס ווערט ניט אויסגענוצט אויפ'ן בלוטיגען קאמפף מיט דיא פאגראם־העצערס און זייער בלינדע ווערקצייג, דיא פאליציע און הוליגאנעם,— דאס אלעס רויבט אוועק ביי מיליאנען אידען אין רוסלאנד זייער זיכערהייט צו אטהעמען פריי; דאס אלעס דערלענגערט דעם טויט־שרעק און דיא געפאהר פאר דיא איינוואהנער פון אידישע שטעדט צו ווערען אויסגעשאכטען און צוריסען, וויא שוצלאזע לעמעלעך, פון בלוטדורשטיגע חיות; דאס אלעס מאכט אם ענדע שטארקער אונזערע מערדער און רויבער.

נור דורך'ן קאמפף וועט מען זיך ערווערבען א רעכט צו אטהעמען פריי, א רעכט צו לעבען, א רעכט צו עקזיסטירען. אלע כחות מוזען

---

*) ווען דיעזער ארטיקעל איז שוין געווען אין דרוק, איז ערשיענען אין „פארווערטס“ א עדיטאריעל, אין וועלכער די רעדאקציאן ערקלערט זיך איינשטימיג מיט דעם בונד'ס האלטונג.—רעד.

אנגעווענדעט ווערען אויף איין צוועק: וויא אם שנעלסטען צו טוידטען דיא רוסישע זעלבסטהערשונג.

דער קאמפף געהט שוין אַז א לאנגע צייט, קאָסט שוין טייכען בלוט פון אידישע העלדען, און יעצט, ווען עס געהט שוין אַז דיא לעצטע שלאכט; ווען דער זיעג איז שוין אזוי נאָהענט און אזוי זיכער, טאָרען מיר ניט קוקען צוריק הינטער זיך אויף דיא הויפענס קרבנות, וועלכע זיינען אזוי אונפערמיידליך ביי אידען וויא ביי קריסטען. מיר מוזען צוזאמען מיט אלע רוסישע פרייהייטס־קעמפפער זיך דורכשלאָגען א וועג פאָרווערטס צום ערשטען גרויסען זיעג, צו פאָליטישע און נאַציאָנאלע פרייהייט.

און דיא אידען אין רוסלאנד טהוען דאָס! דיא צעהנדליגע טויזענדער אידישע סאָלדאטען אויף'ן שלאכטפעלד, דיא בונדיסטען, זיינען מקריב זייערע לעבענס צו בעשיצען זייערע ברידער פון דער רעגיערונג'ס משחיתים, דיא הוליגאנעס און פאָליציי, און הערמיט אליין פערזיכערען זיי זייער פאָלק א ליכטיגע צוקונפט.

פ. ראָזענבלאַט.

איבער דער וועלט

דער יאָהר 1905 אין דער וועלט געשיכטע.

א יאָהר אין דער וועלט געשיכטע! וואָס פאַר א ים פון פאַסירונגען. וואָס פאַר א תהום פון עראייגניסע!

עס שטעהט אויף קיין רגע ניט דיא צייט. עס שטעהט אויף קיין רגע ניט אויך דיא מענשליכע געשיכטע. זיא לויפט אָהן אָבשטעל, זיא ענדערט זיך אָהן א אָברוה. „אלץ פליסט, אלץ ענדערט זיך", אפילו דאן, ווען אונזער אויג כאַפּט ניט אויפ'ן ערשטען בליק דעם לויף און באמערקט ניט דיא ענדערונג. אפילו אין דיא צייטען פון פינכטערסטער רעאקציאָן און פון פעסט פארמויערטען קאָנסערוואטיזמוס, אפילו דאן, ווירקט דער פּראָצעס פון געשיכטליכער ענטוויקלונג אהין אָדער אהער, צום פּראָגרעס אָדער רעגרעס.

אָבער דיא צייט און דיא געשיכטע לויפען ניט אין זעלבען טעמפּאָ, געהן ניט פוס אין פוס. דיא צייט האָט זיך איהר אייביג־גלייכמעסיגען לויף, וויא א שטילינקער געלאסענער שטראָמעלע. דיא מענשליכע געשיכטע אָבער איז גלייך, וויא א גרויסער אָקעאן! דאָ איז ער מעלאנכאָליש שטיל, דאָ הייבט ער זיך אויף מיט א רעש און אימפּעט, מיט שטורם און צאָרן. דיא מענשליכע געשיכטע וואַרפט זיך צווישען עוואָלוציאָן (לאנגזאמער ענטוויקלונג) און רעוואָלוציאָן (שטורמישע איבערקעהרענישען).

אין דער וועלט געשיכטע ווערן פאַראייביגט ניט אלע יאָהרען, נור דיא יאָהרען פון רעוואָלוציאָן. און דאָס איז, וואָס אונטערשיידעט דעם יאָהר 1905 פון א כּך פריהערדיגע יאָהרען. דער יאָהר 1905 **בלייבט אין דער וועלט געשיכטע.** ער וועט פארשריבען ווערען אונטער דעם טיטעל: „דער ערשטער יאָהר פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציאָן". דער ערשטער יאָהר פון א רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע אין דער וועלט געשיכטע איבערהויפּט.

רוסלאנד און דיא וועלט געשיכטע. אין דער אָרדנונג מוז מען בעטראכטען דעם אָקאָרשט געענדיגטען יאָהר, רוסלאנד און דיא וועלט געשיכטע, אין דער ריכטונג לויפט היינט דער מענשליכער פּראָגרעס. עס איז געווען א צייט, — און דיא צייט האָט אָנגעהאלטען זעהר לאנג, — ווען רוסלאנד איז געווען דער טאָרמאָז פון פּראָגרעס, פון פרייהייט און רעכט. דאן איז רוסלאנד געפיהרט געוואָרען פון א באנדע רוזיבער און תלינים. דאן איז רוסלאנד געווען דער

זשאנדארם פון אייראָפּא. היינט אָבער ווערט דיא רוסישע געשיכטע געטריעבען און געיאָגט מיט א אונערהערטער, אונגלויבליכער קראפט דורך א געוואלטיגע רעוואָלוציאָנערע מאכט. היינט זיינען עכי דער פּראָלעטאריאט, דיא אינטעליגענץ, דיא סאָציאליסטען, דיא רעוואָלוציאָנערן, אלע פרייע פּאָרשריטליכע טהיילען פון דער גרויסער אימפּעריע, וועלכע שפּיעלען דיא פיהרענדע ראָלע אין דער רוסישער געשיכטע. היינט איז רוסלאנד געוואָרען דער לאָקאָמאָטיוו פון אייראָפּא. פון רוסלאנד קומט דיא רעוואָלוציאָן. פון רוסלאנד קומט דיא פרייהייט.

אָט אין דעם באשטעהט דיא היסטאָרישע בעדייטונג פון דעם יאָהר 1905. רוסלאנד פון פריהער איז געוועזען א מוסטער פאר אלע טיראַנען, פאָלקס פיינד און פינסטערלינגע. רוסלאנד פון היינט איז א מוסטער פאר אלע רעוואָלוציאָנערן, פאר אלע סאָציאליסטען, פאר אלע קעמפּפער פאר פרייהייט און רעכט און אונטער דעם געזיכטספּונקט מוז אויך דער פאָריגער יאָהר איבערבליקט ווערן.

* * *

שוין דער ערשטער אויפטריט פון דעם נייעם יאָהר איז געוועזען א מערקווירדיגער. ווען דיא גלאָקען פון דיא רוסישע קירכען האָבען געקלונגען דיא פרייליכע באגריסונג „צום נייעם יאָהר און צום נייעם גליק", האָבען זיי צוזאמען דערמיט שוין געקלונגען דעם קבורה־מאַרש פאר רוסלאנד'ס מיליטערישער מאכט: דעם 1־טען יאנואר 1905 האָט גענעראל שטעסעל איבערגעגעבען פּאָרט־ארטהור צוא דיא יאפּאָנעזער.

אונטער דיא חורבות פון פּאָרט ארטהור זיינען באגראָבען געוואָרען רוסלאנד'ס האָפנונג צוא געווינען דיא מלחמה. אויף דיא פעלדער פון מאנדזשוריען זיינען צוזייט און צושפּרייט געוואָרען איהרע אויסזיכטען צוא קענען פיהרען דיא מלחמה ווייטער. און אין דיא וואסערען פון צוסימא, זיינען דערטרונקען געוואָרען איהרע הלומות צוא קענען ארויסקריכען פון דער מלחמה מיט „עהרע". אָט אזוי איז רוסלאנד אין פערלויף פון ערשטען העלפט פון יאָהר געפאלען, געזונקען אלץ נידעריגער מדחי־אל דחי, ביז זיא האָט געמוזט זיך אָנכאפּען פאר דעם ערשטען פאָרשלאג וועגען שלום און אָבשליסען דעם פריעדען פון פּאָרטסמוטה אלס בעזיעגטע, צו'הרג'עטע, צושלאָגענע מאכט.

צוא צוברעכען רוסלאנד'ס מיליטערישע מאכט איז געוועזען א גרויסע, היסטאָרישע אויפגאבע און דיא יאפּאנעזער האָבען דיא היסטאָרישע מיסיאָן שנעל, גלענצענד, העלדיש אויסגעפיהרט. דורך דעם האָבען זיי זיך זעהר פיעל פערדיענט געמאכט פאר'ן פּראָגרעס. דורך דעם האָבען זיי פיעל אויפגעטהון פאר אייראָפּא, בעפרייענדיג איהר פון אייביגען שרעק פאר'ן „זשאנדארם". דורך דעם האָבען זיי פיעל מיטגעהאָלפען אויך דעם רוסישען פאָלק גופא אין זיין גרויסען שווערען בעפרייאונגס קאמפּף.

דיא יאפּאנעזער האָבען אויפגעטהאָן א גרויסע שטיק ארבייט — אָבער ניט דיא גרעסטע. דיא גרעסטע, דיא שווערסטע אויפגאבע איז נאָך געבליעבען צו טהון אין רוסלאנד גופא. דיא ביטערע מפלה, וועלכע דיא זעלבסטהערשונג האָט געכאפּט פון אויסערליכען שונא, האָט בעקומען אזא עפּאָכע־מאכענדע אייביגע בעדייטונג, נור וויל זיא איז געוועזען בעגלייט פון א גאנצע רייהע נאָך גרעסערע קלעפּ און מפלות פון אינערליכען שונא; וויל זיא איז געוועזען בעגלייט פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציאָן.

דיא גרויסע רוסישע רעוואָלוציאָן! וויא לאנג האָט מען גע'חלומט וועגען איהר. וויא לאנג האָט מען געהאָפט אויף איהר. וויא שווער האָט מען געצאָהלט פאר דיא האָפנונגען! היינט איז זיא ענדליך דאָ. היינט שטעהען מיר שוין ניט מעהר ביים אָנפאנג פון איהר, נור ביים סוף פון איהר ערשטער אָבטהיילונג: ביים סוף פון דער זעלבסטהערשונג, ביי איהר לעצטער גסיסה.

וויא פיעל פּאָזיציאָנען האָט דיא זעלבסטהערשונג געמוזט שוין אָבראמען אין פערלויף פון לעצטען יאָהר! אין אָנפאנג יאָהר 1905 איז סוויאטאָפּאָלק מירסקי געוועזען פאר איהר צוא ליבעראל און דיא ליבעראלע פריצים צוא ראדיקאל. איינעם האָט מען באשלאָסען משלח צו זיין. דיא אנדערע צוא פארמאכען דעם מויל. עכי איז געוועזען גאנץ לייכט דאָס אויסצופיהרען: מען האָט נור געדארפט זיי א סטראשע טהון און גענוג. פריצים זיינען דאָך „דזשענטעללייט" און זיי וועלען זיך דאָך ניט געהן בונטעווען אויף דיא גאסען.

אָבער מען האָט ניט באוויזען צוא פארמאכען דיא מיילער פון דיא פריצים, וויא דיא אמת'ע בעפרייער, דיא פּראָלעטאריער האָבען זיך ארויסגערוקט אויף דער ביהנע, זיך ארויסגערוקט שטיל, קניענד, בעטענד, אונאָרגאניזירט. מען האָט זיי געגעבען א בלוטיגען קבלת פנים:

„דער רויטער זונטאג“, דער נייינטער יאנואר אין פעטערבורג הייסט דער קבלת־פנים.

ווען יענע בעטענדע, קניענדע פּראָלעטא־ריער וואָלטען געווען די טיפּישע פאַרשטעהער פון זייער קלאַס, דאן וואָלטען מיר היינט געהאט חושך מצרים אין רוסלאַנד און די זעלבסט־הערשונג אונטער טרעפּאָוו׳ס דיקטאַטור וואָלט היינט געווען פיעל שטארקער, זיכערער און פעס־טער, איידער אין די טרויעריגסטע צייטען פון פּלעהוועס ממשלה. צום גליק פיהלען די גרוי־סע פּראָלעטאריער מאסען אין רוסלאַנד גאַנץ אנדערש, איידער געוויסע „עק־פּאָליטיקער“ צווישען די „רעוואָלוציאָנערן“ פיהלען און פּריי־דיגען דאָ, ביי אונז. זיי האָבען ניט נאָך יעדער קאמפּף געזאָגט: גענוג דערוויילֿ. זיי האָבען ניט מורא געהאט צו געהן ווייטער אין פייער.

די ארבייטער מאסען אין רוסלאַנד האָ־בען צ. ב. ניט געפאָלגט די פּראַקטישע, קלוגע עצות פון יצחק אייזיק. פאר זיי זיינען די אָרגאַניזאַציאָנען פון אויבער זשאַנדארם זובא־טאָוו ניט געוואָרען דער מיטעלפּונקט פון דער רעוואָלוציאָן, ניט אפילו נאָך דעם, וויא דער פאָ־טער גאפּאָן בכבודו ובעצמו האָט זיי געבענשט אין נאָמען פון דער הייליגער קירכע. זיי האָבען בעסער זיך פאָרבערייטעט צום קאמפּף „אונטער דער ערד“ אונטער אלערליי שטערונגען און גע־פאהרען און איהם אָרויסגעטראָגען אויף דער ערד אין אלע ווינקעלאך פון רוסלאַנד גלייך נאָך דעם אונגליקליכען 9־טען יאנואר. און נור דורך דעם האָבען זיי דעם טאָג פון שמאך און שחיטה געמאכט פאר א רעוואָלוציאָנערן טאָג.

דער רעוואָלוציאָנערער פּלאַם האָט זיך צופלאַקערט און קליין, שוואַך, אָהנמעכטיג האָט זיך ארויסגעוויזען אפילו די בלוטיגע האנד פון טרעפּאָווען. אויך די זעלבסטהערשונג אליין האָט זיך ארומגעזעהן, וויא אָהנמעכטיג, וויא געבראָ־כען זי איז. זי האָט געוואָלט אָבקויפען די הערשענדע קלאַסען אויפ׳ן חשבון פון די אר־בייטענדע קלאַסען און דער אינטעליגענץ, מיט א ביין, וועלכען זי האָט א נאָמען געגעבען „שטאַאטס דומא“. אויך דאן האָבען די רעוואָ־לוציאָנערע פּארטייען ווידער ניט געפאָלגט די עצה פון זעלבען פּראַקטישען דעמאָקראט און האָבען זיך ניט געהאַלטען „מיט טאַקט“. ניין, זיי האָבען געזאָגט: היה לא תהיה, בוליגינס דומא וועט ניט צוזאמענגערופען ווערען! זיי האָבען אויפגעהייבען דעם גרויסען קאמפּף אין די אָקטאָבער טעג, וועלכער האָט

זיך געענדיגט דעם 30־טען אָקטאָבער מיט א פערשפּרעכען פון א אמת׳ער קאָנסטיטוציאָן, מיט דעם צוזאָג פון פּערזענליכער זיכערהייט, פּרייהייט פון דער פּרעסע, פון פערזאמלונגען מיט אן אמנעסטיע א. ז. וו. און ווען אונ־טער דער נייער „קאָנסטיטוציאָנעלער“ רעגיע־רונג האָט זיך אָנגעהייבען די אלטע מערדע־רייען און געוואַלטהאַטען, זיינען זיי ווידער אמאָל ניט געבליעבען שטעהן, זיך ניט דערשראָ־קען און געגאנגען ווייטער אין קאמפּף.

יא, די רוסישע אינטעליגענץ האָט אפילו ניט געפאָלגט די עצה פון „איהר“ פּארטהיי־דיגער „געגען דעם עכטען טיראן און זעלבסטהערשער“, די סאָציאַל דעמאָקראַטיע, ניט געפאָלגט אפילו די עצה פון דעם פאַרשטע־הער פון כל־ישראל־נאָראָדניקעם—סאָציאַליסט רעוואָלוציאָנער — ציוניסט־טעריטאָריאַליסט, א. ז. וו. דר. זשיטלאָווסקי, און אָנשטאָט זיך צו פעראייניגען מיט אזא סאָרט חברה וויא יאָהאַן פּאַליי, סאַפּירשטיין, פּראָמענזאָהן, „טאָגע־בלאַט“, מאָרגען־זשורנאַל וכל כת דלהום האָט זי זיך בעסער פעראייניגט מיט די פאָרשטעהער פון „דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער איבערזעצונג פון פּאָבעדאָנאָסצעוו׳ס פּרינציפּען“ (אזוי שרייבט דער רעוואָלוציאָנער דר. זשיטלאָווסקי. דר. זשיטלאָווסקי האָט א גוטע קאָפּ, כאָטש ער איז אזא קורצע צייט געווען אין איין חדר מיט יאָהאַן פּאַליי און כאַפּירשטיין, קען ער די „תורה“ שוין בעסער פאר זיי).

עס איז געשעהן נאָך א גרעסערער נס: די וועלכע זיינען בעשאַפען געוואָרען — נאָך דר. זשיטלאָווסקי׳ס מיינונג — „צו ראטעווען די „קאָנטרי“ פון דער „ענגער, ברוטאלער“ סאָ־ציאל דעמאָקראַטיע, די סאָציאַליסטען רעוואָ־לוציאָנערן האָבען זיך געשטעלט אין די רייהען אונטער דער „קאָמאנדע“ פון סאָציאַל דעמאָ־קראַטישען „ארבייטער־ראַטה“. — וועמעס פיה־רער עס איז איינער פון די „דריי איינציגקייט“ לעגין—און זיי האָבען זאָגאר געהאָלפען שאַ־פען די שרעקליכע דיקטאַטור פון פּראָלעטא־ריאַט“.

אונז אינטערעסירט ניט, וויא אזוי עס האָט געקאָנט קומען דערצו אז די פּארטיי סאָציא־ליסטען רעוואָלוציאָנערן און איהר דעלעגאַט זאָלען אזוי וועניג פאַרשטעהן איינע די אנדע־רע. דאָס איז זייערע א היימישער סכסוך.

פאר אונז איז אָבער וויכטיג צו בעמער־קען, אז צום גליק פיהלט מען אין רוסלאַנד און

מען פארשטעהט, אז עס קען ניט זיין קיין רוהע און אבשטעל אין דער רעוואָלוציאָן ביז רוסלאנד וועט ניט ווערען קיין פרייע לאנד, ביז דיא מאָנארכיע וועט ניט ליגען צובראָכען און צושמעטערט. און אז עס איז ניטאָ קיין אנדער קלאס, וועלכער עס זאָל אריבערטראָגען דעם קאמפף אויף זיינע פלייצעס, וויא דער פראָלעטאריאט. דערפאר האָבען אלע ערנסט קעמפפענדע פארטייען, מיט דיא סאָציאליסטען רעוואָלוציאָנערן און מיט דעם ראדיקאלען „סאָיוז סאָיוזאָוו“ בכלל אנערקענט דיא „דיקטאטור פון פראָלעטאריאט“ און דוקא דערפאר האָט דיא רעוואָלוציאָן געמאכט אין אָקאָרשט פארענדיגטען יאָהר אזא ריעזיגען פאָרשריט, און אזוי וועיט געבראכט רוסלאנד פאָרווערטס. און דוקא אין דעם ליעגט אונזער פעסטע איבערצייגונג און זיכערהייט אין דיא וויטערדיגע נצחונות פון דער רעוואָלוציאָן אויף אין דעם קומענדען יאָהר 1906.

* * *

ניט אזוי צופריעדען קענען דיא אידען זיין מיט'ן פאָריגען יאָהר. און ניט אזוי מונטער קוקען זיי אויף דיא נעכסטע צוקונפט.

דער פאָריגער יאָהר געהערט צו דיא טרויעריגסטע און פינסטערסטע אין דער אידישער געשיכטע נאָך דיא צאָהל קרבנות, וועלכע זיינען געפאלען ניט אין קאמפף, ניט אויפ'ן שלאכט פעלד, נור וואָס זיינען אויסגעקוילעט געוואָרען אין דיא הייזער, אויף דיא גאסען, אלס שעיר לעזזל פון דער קאָנטרא־רעוואָלוציאָן.

דיא פאָגראָמען בעגלייטען דיא גאנצע אידישע געשיכטע פון פאָריגען יאָהר. מיט פאָגראָמען־לופט האָט גענומען שמעקען זעהר שטארק גלייך אין אָנפאנג יאָהר. דער ערשטער שטורם האָט אויסגעבראָכען ארום פסח־צייט אין זשיטאָמיר און אנדערע שטעדט און שטעדטלאך. אָבער, אלץ וואָס אידען האָבען אריבערגעטראָגען ביז איצט איז געווען א קטנות אין פערגלייך מיט דעם ווילדען אוראגאן פון מאָרד און בעסטיאליטעט, וואָס האָט מיט אזא טייפעלשער קראפט און מיט אזא משונה'דיגער אכזריות געבושוועט איבער דיא אידען אין רוסלאנד אין דיא אָקטאָבער — נאָוועמבער טעג.

נאָך קלינגען אין אונזערע אויערען דיא לעצטע כאָרכעלס פון דיא הרוגים. נאָך שטעהען פאר אונזערע אויגען דיא שוידערליכע בילדער פון גיהנום. נאָך איז דער ווייטאָג צו גרויס. נאָך איז דער וואונד צו טיעף, אז מען זאָל קענען זיך נעהענטער אָנריהרען אָן איהם.

אָבער וויא גרויס דער שמערץ איז ניט, וויא טיעף דער וואונד איז ניט, זיינען זיי יעדענפאלס ניט בכח אונז צו מאכען פארצוויפלען אין אונזער צוקונפט, אָדער ביי אונז, סאָציאליסטען, ארויסרופען חרטה פאר דיא פערגאנגענהייט. דיא געבורטסוועהטאָג פון דער רוסישער פרייהייט זיינען פאר אונז פיעל שמערצליכער, וויא פאר אנדערע, אָבער דיא רוסישע רעוואָלוציאָן איז דאָך און בלייבט דאָך אונזער זאך, זיא איז דאָך און בלייבט דאָך אונזער איינציגע ישועה. אין דער ליכטיגער צוקונפט פון א פרייער רוסלאנד ליעגט דאָך דיא ליכטיגע צוקונפט אויף פאר א פרייעם אידישען פאָלק.

עס איז אונזער פריידע. עס איז אונזער שטאָלץ, וואָס דער אידישער פראָלעטאריאט האָט געשפיעלט אזא בעדייטענדע ראָלע אין רוסלאנד'ס בעפרייאונג און וואָס דער אידישער „בונד“ איז אויף דעם יאָהר שטענדיג געגאנגען פאָראויס אין דער רעוואָלוציאָן, שטענדיג געווען צווישען דיא ערשטע און טיכטיגסטע קעמפפער. און דער וואונדערליכער צוטרויען און אוטאָריטעט, וועלכע דער „בונד“ האָט אין פערלויף פון לעצטען יאָהר זיך ערוואָרבען צווישען אלע קלאסען פון אידישען פאָלק. און דיא מערקווירדיגע אכטונג, מיט וועלכע אלע אנדערע פאָרגעשריטענע פארטייען פון אלע אנדערע נאציאָנען אין רוסלאנד ווייזען ארויס צום קעמפפענדען אידשען פראָלעטאריאט און זיין פיהרער, דעם „בונד“, זיי דיענען פאר אונז אלס זיכערסטע גאראנטיע, אז יעדער זיעג פון דער רעוואָלוציאָן, וועט אויך זיין א זיעג פאר אידען, און אז ביי דער פארטהיילונג פון דער ירושה וועט מען דיא אידען ניט קענען אָבנארען.

פאר דעם „בונד“ איז דער פאָריגער יאָהר געווען א רייהע פון גרויסע ערפאָלגען, פון שטענדיגען וואוקס און פארפעסטיגונג. אויך דער יונגער אידישער „בונד“ אין גאליציען, (דיא אידישע סאָציאל דעמאָקראטישע פארטיי) א לייבליכער קינד פון „בונד“ אין רוסלאנד, וויא יונג ער איז ניט, האָט שוין געהאט אויסצושטעהן און אריבערצוטראָגען שווערע קעמפפע אינעוויניג, געגען דיא אייגענע גענאָסען פון אנדערע נאציאָנען, — ספּעציעל געגען דיא פּוילישע גענאָסען. — ער האָט אויך באוויזען זיך ארויסצושטעלען אלס ערנסטער, טיכטיגער מיטקעמפפער נאָך אויסען: אין קאמפף מיט דער רעגירונג פאר אלגעמיינע, גלייכע וואהלרעכט.

אויסער דיא בונדיסטישע פארטייען קען

קיינע דעם יאָהר ניט אָנווייזען קיין בעזונדערע
ערפאָלגען. דיא ניי אויפגעקומענע דעמאָקראַ־
קראַטישע (בורזשואזנע) פּאַרטיי איז אפילו
ארויס מיט א גרויסען טאראראם. אָבער זיא
איז גיך פארשוואונדען, אזוי גיך, וויא עס האָט
זיך גענומען האנדלען ניט וועגען שניידען מיט
פריידע (אנטהייל נעהמען אין דיא וואהלען),
נור וועגען זייען מיט טרעהרען, וועגען ווייטער־
דיגע קעמפּפע.

אין ציוניסטישען לאגער איז שוין פאר'ן
7-טען קאָנגרעס ארוים א קריזיס. און אויפ'ן
קאָנגרעס א שפּאַלטונג. עס זיינען געשאפען
געוואָרען צוויי פּאַרטייען און דער צד השוה איז
אז דיא ציוניסטען (פּאַלעסטינצעס) זיינען גע־
בליעבען אָהן ציון און דיא טעריטאָריאליסטען
אָהן א טעריטאָריע. ביידע זיינען היינט „טהעאָ־
רעטישע" דיסקוסיאָנס פּאַרטייען. אום זיך צוא
ראטעווען, האָבען דיא ראדיקאלערע פּראָלעטאַ־
רישע טהיילען פון ביידע ריכטונגען זיך געכאפּט
פאר „געגענווארטס ארבייט" ד. ה. זיי האָבען
זיך אויך גענומען נעהענטער צורוקען צוא דער
גרויסער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין רוס־
לאנד און צוא דיא סאָציאל דעמאָקראַ־
טישע פּארטיי דאָ. מיר האָבען
דערוויול אָבער ניט געהערט אז זיי
זאָלען זיך האָבען מיט וואָס עס איז אויסגעציי־
כענט אויף דעם פעלד. זיי פּרעטענדירען אפילו
אליין אויף דעם ניט. אויף וואָס זיי פּרעטענדי־
רען יא, איז אז זיי נעהמען א טיכטיגען אנטהייל
אין דער פּאַרטהיידיגונג געגען דיא פּאָגראָמען.
מעגליך איז עס. לאָגיש איז עס אויך. אָבער,
וואָס דאָס האָט צוא טהון מיט ציוניזמוס און
טעריטאָריאליזמוס, דאָס קענען זיי אליין אויך
שווער ערקלעהרען. יעדענפאַלס, פאר זייערע
אידעאלען און ענדציעלען האָבען זיי דערוויול
ניט וואָס צוא טהון און זיי האָבען טאקע גאָר
ניט געטהון. עס בלייבט אלזאָ פאר אידען סיי
ווי סיי קיין אנדער זאך ניט איבער, וויא צוא
קעמפּפען ווייטער פאר רוסלאנד'ס בעפרייאונג,
צוא קעמפּפען העלדיש ביז'ן גרויסען ענדליכען
זיעג.

* * *

דיא וועלט פּאָליטיק האָט אין פערלויף
פון ערשטען העלפט פון יאָהר זיך געפונען אונ־
טער דעם איינפלוס פון דער גרויסער מלחמה
צווישען רוסלאנד און יאפּאן. דיא הויפּט פראַ־
גע איז דאן געווען: וועלט מלחמה, אָדער שלום?
דיא ביי־פראגע איז געווען: וויא אזוי קען מען
אויסנוצען דיא געלעגענהייט עפּעס וואָס צוא
פערכאפּען? אויף דעם באָדען איז ארויסגע־
שוואומען דיא מאראָקאָ פראגע: דער סכסוך
צווישען פראנקרייך און דייטשלאנד וועגען דעם
איינפלוס אויף מאראָקאָ, א סכסוך, וועלכער האָט
קוים קוים ניט געבראכט צוא א וועלט קריעג,
א סכסוך וועלכען עס איז אָבער — וויא עס
האָט זיך ארויסגעוויזען — געווען אזוי לייכט
צוא בעזייטיגען.

דיא לעצטע חדשים פון יאָהר איז דיא
„וועלט פּאָליטיק" איבערהויפּט פארשטופּט גע־
וואָרען און דער אינערליכער לעבען פון דיא
נאציאָנען האָט פארשלונגען דיא גאנצע אויפ־
מערקזאמקייט. און אויף דעם אינערליכען לעבען
פון דיא פעלקער איז דער איינפלוס פון רוס־
לאנד'ס קעמפּפע ניט אָבצושאצען.

דיא רוסישע רעוואָלוציאָן האָט איבעראל
צוגעגעבען מוטה דיא אונטערדריקטע און אוועק
גענומען חוצפה ביי דיא אונטערדריקער, אריינ־
געפליסט ענערגיע ביי דיא מאסען און אריינ־
געיאָגט א שרעקען ביי דיא הערשער.

אונטער דעם איינפלוס איז אין דייטש־
לאנד פארשוואונדען דיא מורא פאר א „רעוואָ־
לוציאָן פון אויבען" ד. ה. דיא מורא, אז דיא
רעגיערונג און דיא הערשענדע קלאסען זאָלען
ניט אוועקנעהמען ביי דיא מאסען א טהייל פון
דיא וואהלרעכט. עס האָט זיך אָבער אויפגע־
הייבען דיא מורא פאר א „רעוואָלוציאָן פון אונ־
טען". דיא ארבייטער מאסען הייבען אָן אליין
צוא פאָדערען מעהר רעכטע, באזאָנדערס אין
דיא איינצעלנע שטאטען פון דער אימפּעריע.

אונטער דעם איינפלוס האָט דיא עסטרייכ־
שע סאָציאל דעמאָקראטיע ארויסגעטראָגען דעם
אלטען קאמפּף פאר אלגעמיינע גלייכע וואהל־
רעכט אויף דיא גאסען און האָט דעם קאמפּף
געוואונען. אויך אין אונגארן האָט דער
לאנגער סכסוך צווישען דיא רעגיערונג און דיא
אונגארישע נאציאָנאליסטען געבראכט דערצו,
אז דיא גרויסע פאָלקס מאסען זאָלען באַ־
קומען אלגעמיינע, גלייכע וואהלרעכט און אויך
דאָרט האָט מען עס צו פארדאנקען דיא קלוגע,
מוטהיגע און ענערגישע האלטונג פון דיא אונ־
גארישע סאָציאל־דעמאָקראטיע.

עס איז אונז אונמעגליך זיך אבצושטעלען
אויף דיא אלע אנדערע פאסירונגען פון אינער־
ליכען לעבען פון דיא אייראָפּעאישע פעלקער
בכלל און פון פּראָלעטאריאט בפרט. מיר וועלען
נור דערמאָנען איניגע פון זיי.

וויא עס פאסט פאר אזא אונרוהיגען נערוועזען יאהר האט כמעט קיינע פון דיא פריהערדיגע מיניסטעריומס ניט מוציא שנתה געוועזן. פראנקרייך, אונגארן, ענגלאנד, איטאליען, גריעכענלאנד, שפאניען און האלאנד, זיי אלע האבען באקומען נייע רעגיערונגען. און דיא קליינע נארוועגיען האט זיך זאגאר פארגינט דעם לוקסוס צוא טהון א שדוך מיט א נייעם קעניג.

קיין קעמפפע צווישען קאפיטאל און ארבייט האבען זעלבסטפערשטענדליך, ניט געפעהלט אויך אין פאריגען יאהר, שטילער וויא איבעראל איז געוועזן אין ענגלאנד. אבער דאס איז א טויטע שטילקייט. ענגלאנד האט פאריגען יאהר דורך געלעבט א גרויסען עקאנאמישען קריזיס. ביז צוויי מיליאן ארבייטער געהן ארום אהן ארבייט. אונטער אזעלכע אומשטענדען איז שווער צו טראכטען וועגען סטרייקס.

גרעסערע קעמפפע זיינען פארגעקומען אין דייטשלאנד (דער גענעראל סטרייק פון דיא קוילען גרעבער אין רוהר, דער לאקאוט פון דיא עלעקטריע ארבייטער אין בערלין). אין איטאליען האט דער אלטער קאמפף פון דיא אייזענבאהן ארבייטער געפיהרט זיך ווייטער. אויך פראנקרייך און בעלגיען האבען געהאט מעהרערע גרעסערע סטרייקס.

אין אינערליכען לעבען פון דער אינטערנאציאנאלער סאציאל דעמאקראטיע, זיינען דיא וויכטיגסטע פאקטען געוועזן: דיא פעראייניגונג פון אלע סאציאליסטישע פארטייען אין פראנקרייך, דיא דיפערענצען צווישען פארטיי און געווערקשאפטען אין דייטשלאנד, די אננאהמע פון דעם פאליטישען גענעראל סטרייק אלס סאציאליסטישער קאמפפסמיטעל.

וויא דיא לעזער זעהען האט דער יאהר ארויסגעגעבען ניט קיין שלעכטען סך־הכל באזאנדערס נאך אזא רייהע פון רעאקציאנערע טויטע יאהרען.

* * *

דיא רוסישע פאסירונגען, וועלכע האבען אזוי אויפגעטרייסעלט אייראפא, האבען אבגעקלונגען אויך דער זייט פון אקעאן נור וויא א גאנץ שוואכער עכא פון א פרעמד אונבעקאנטער ליעד.

דיא מלחמה צווישען רוסלאנד און יאפאן האט נור געגעבען רוזוועלטען דיא מעגליכקייט ארויסצוטרעטען אלס דער עמוד־השלום פון דער וועלט. צוא דיא גרויסע קעמפפע פון רוסישען פאלק זיינען דיא אמעריקאנער געבליעבען קאלט. דאס האט זיי ווייניג אויפגערעגט.

דיא אפיציעלע פאליטיק האט זיך געפיהרט מיט א פעסטער האנד! זיא איז אויך געגאנגען ,בשורה׳ כדאשתקד דעם פרעזידענטס מעסעדזשעס פון יאהר 1904 און 1905 האבען אנגעוויזען דעם קאנגרעס אין גרויסען אין גאנצען דיא זעלבע טאגעספראגען וויעדער אימיגריישען, וויעדער טראסטען און יוניאנס. דער גרויסער קאמפף מיט דיא אייזענבאהנען, וועלכען רוזוועלט האט מיט אזא פאראד פארשפראכען מיט א יאהר פריהער, האט דערווייל אזוי ווייניג געשאדעט דיא אייזענבאהן־טראסטען, וויא ווייניג דער „קאמפף“ מיט פלייש טראסט און מיט אנדערע טראסטען האבען געשאדעט יענע.

אין דער אפיציעלער פאליטיק איז אלץ געגאנגען „כשורה“, כאטש דער דעפיציט האט וויעדער אמאל געשטיעגען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער יאהר איז וויעדער א יאהר פון „פראספעריטי.“

אבער הינטער דער טויטקייט, שטילקייט און רוהיגקייט און צופריעדענהייט פון דעם אפיציעלען פארשטעהער פון פאלק, האט זיך צווישען דיא גרויסע אמעריקאנער מאסען אנגעקליעבען א תהום פון אונצופריעדענהייט און פראטעסט.

דיא אמעריקאנער מאסען האבען געהאט גענוג היימישע אורזאכען דעם יאהר צו נעהמען פיהלען דעם שווערען יאך פון זייערע אייגענע פאליטישע בעלי־בתים, דיא פארטיי־מאשינען און דיא פאליטישענס.

דיא אונגעוועהנליכע קארופציאנס און סקאנדאל געשיכטען אין דיא פערזיכערונגס־געזעלשאפטען, און דיא לעגיסלאטורען און אין אלע צווייגען פון דער אדמיניסטראציאן, וועלכע זיינען אין פערלויף פון יאהר ניט אראפ פון טאגעסארדנונג, צוזאמען מיט דיא אונפארשעהמטע רויבערייע פון דיא גרויסע קאפיטאליסטישע קאמפאנים, האבען בעשאפען צווישען דיא גרויסע מאסען — בעזאנדערס אין דיא גרויסע שטעדט — א גאנצען ים פון אונצופריעדענהייט און פראטעסט.

און דער ים האט זיך פארנאנדער געגאסען מעהר אין דער ברייט איידער אין דער טיעף.

דיא וואהל פון מעיאר דאן מיט זיין פראגראם פון מיוניסיפאל־אונערשיפ, אין שיקאגא. דיא „אספראווע“ מיט׳ן „רינג“ אין פילאדעלפיא; דער אונגעהייערער ערפאלג פון אונזער ניו יארקער דעמאגאג, דיא ניעדערלאגען פון א סך אנדערע פארטיי באסעס. דאס אלץ האט געוויזען אז דיא געדולד ביי דיא גרויסע מאסען

האט געפלאצט, אז זיי הייבען אן צו זוכען א אויסגאנג פון דער שווידערליכער קארופציאן, אין וועלכע דער פאליטישער לעבען פון לאנד איז פארזונקען.

צווישען דיא פראטעסטירענדע טהיילען פון פאלק פארנעהמען דיא ארבייטער איינע פון דיא ערשטע פלעצער.

דיא האלטונג פון דעם ספעציאליסט און דעמאגאג, הוירסט אדער פון זיינע מענעדזשערס, זייער לעקען און חנפ'ענען זיך צוא דיא ארבייטער, איז דער בעסטער בעוויין פאר דעם. אבער זייענדיג אינצופריעדען און פראטעסטירענדיג, ז ו כ ע ן דערווייל[ע] דיא ברייטע ארבייטער מאסען דעם ריכטיגען וועג, און טאפען אבער נאך אין דער פינסטערנים.

זייער אויג זעהט נור דיא שמוץ, וועלכע דיא סקאנדאל געשיכטען ווארפען ארוים אויף דער אויבערפלעכע און דערפאר מיינען זיי אז עס איז מעגליך אבצורייניגען דעם פאליטישען פעלד דורך אזיינע קלייניקע, קליינינקע מיטלען וויא מיוניסיפאל אונערשיפ.

עס האט גענומען ריידען דערווייל דיא שטימע פון קאנסומענט, וועלכער לײדעט פון דיא טראסטען, עס שלאפט נאך ביי זיי דיא שטימע פון פראדוצענט, וועלכער ווערט שוין בארויבט און בא'גנב'עט ביי זיין ארבייט, דאן ווען ער באקומט דיא ווייזשעס. עס שלאפט נאך מיט איין ווארט, דער פראלעטארישער קלאסענבעוואוסטזיין ביי דיא גרויסע ארבייטער מאסען אין אמעריקא.

דיא 25 יאהריגע ערציהונג דורך דיא „אמעריקאן פעדעריישען אף לייבאר“ איז ניט געווען דיא פאסענדע שול צו לערנען אפילו דיא ארגאניזירטע ארבייטער טיעפער און ערנסטער פערשטעהן זייער לאגע אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט און מען דארף ניט פערגעסען, אז דיא ארגאניזירטע ארבייטער זיינען דאך נור א קליינער טהייל פון דער ארבייטער קלאס.

דיא סאציאליסטישע בעוועגונג האט אפילו יא זיך בעמיהט צו עפענען אין גאנצען דיא אויגען פון דיא ארבייטער. אבער איהר קרייז איז שוין דערפאר אליין פיעל ענגער בעשרענקט.

פון דער לאגע זיינען ארוים די אונגינסטיגע אומשטענדען פאר דער ארבייטער בעוועגונג, וועלכע האבען זיך געלאזט אזוי שווער פיהלען דעם יאהר: דיא טרייד־יוניאניסטישע בעוועגונג פון „אמעריקאן פעדערײשאן“ ווערט אלץ אהנמעכטיגער און אלץ מעהר באנקראט אין גייסט. דיא סאציאליסטישע בעוועגונג קען אלץ ניט אריבער דעם פער'כשופ'טען גרענעץ פון ענגערע קרייזען.

דערווייל ווערען דיא טראסטען און דיא אנדערע גרויס־קאפיטאליסטישע אונטערנעהמונגען אלץ שטארקער, דיא קאפיטאליסטען אלץ חוצפה'דיגער. אין דעם יאהר זיינען געווען א סך סטרייקס און דאס רוב פון זיי זיינען פערלארען געגאנגען. און דיא לעדזשיסלייטשורס און קאורטס ליעגען אלץ פעסטער ביי יענע אין דיא הענד. און יעדע אויף איהר ארט, יעדע מיט איהר מאכט העלפט דיא קאפיטאליסטען האלטען דיא ארבייטער פעסט אין דיא לייצעס. און דיא ארבייטער? זיי גיסען אוים זייער פראטעסט אין דער לוזשע פון מיוניסיפאל אונערשיפ פון ביליגע דעמאגאגען. פון זומפ אין דער לוזשע, ניט אמת טרויריג דערווייל פאר דיא אמעריקאנער ארבייטער בעוועגונג?

דאך, ארייצופאלען אין א מעלאנכאליע איז ניטא פאר וואס. דער אלטער קלוגער ווארט: ווער עס זאגט איינס, מוז אויך זאגען צוויי, איז אין דער ארבייטער בעוועגונג פיעל ריכטיגער איידער ערגעץ אנדערסוואו. וויא באלד דיא ארבייטער האבען זיך שוין גענומען טהון א ריהר, וועלען זיי שוין ווילענדיג, ניט־ווילענדיג מוזען געהן ווייטער. זייער לאגע אלס פראלעטאריער פאר וועמען דיא הערשענדע קלאסען האבען נור קייטען, עקספלואטאציאן און אונטערדריקונג און דיא עקזיסטירענדע קאפיטאליסטישע סיסטעם — קיין ערנסטע ראדיקאלע היילמיטעל פון זייערע צרות, זיא אליין וועט זיי וואס ווייטער אלץ מעהר טרייבען צום סאציאליזמום.

דיא עקאנאמישע ענטוויקלונג מיט איהרע רעזולטאטען: דיא פערשארפונג, פון דיא קלאסענגעגענזעצע מיט איהר בעררייכערונג פון דיא רייכע און דיא פעראָרמונג פון דיא ארימע איז א גוטער, געזונדער, זיכערער באדען פאר א שטארקע מעכטיגע סאציאליסטישע בעוועגונג. און איהר ערנסט אויפצובויען פון געזונדען מאטעריאל, נאך א קלארען פלאן, דאס בלייבט אונזער שווערע אויפגאבע, אונזער הייליגע פפליכט.

דער יאהר 1905 האט דיא אויפגאבע ניט ערפילט. ער האט עס איבערגעלאזען בירושה צום נייעם יאהר.

אין דער וויסענשאַפטליכער וועלט

דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס אין פּאַריז, וועגען קאָנסאָמפּשען.

קאָנסאָמפּשאַן, אָדער „דער" (סוכאָטקע) איז דיא גרויזאמסטע קראַנקהייט פון אונזער ציוויליזאַציאָן.

דאָס אלגעמיינע פּובליקום האָט אַ גאַנץ שוואַכען בעגריף, וואָס פאַר אַ שרעקליכע מגפה דיזע קראַנקהייט איז. אפילו די גרויזאמסטע מגפות, ווי כאָלערא, אָדער די שווארצע אזיאַטישע מגפה, פאַר וועלכע אלע ציטערן אזוי שטאַרק, קענען זיך מיט קאָנסאָמפּשען ניט פערגלייכען. יענע זיינען זעלטענע געסט, געגען זיי קעמפּפט דיא געזעלשאַפט מיט אללע מיטלען וואָס דיא היינטיגע פאָרטגעשריטענע וויסענשאַפט גיט איהר, וועהרענד קאָנסאָמפּשען איז אַ שטענדיגער תושב ביי אונז. דיא קראַנקהייט איז געוואָרען, אזוי צו זאָגען, אונזער בן בית. זיא וואכסט צוזאמען מיט אונזער גלאָררייכער ציוויליזאַציאָן. איהרע וואָרצלען זיינען שטאַרק פערפלאָכטען מיט אונזער פינסטערער סאָציאַלער סיסטעם, וואו דיא בילליגסטע סחורה בלייבט דער מענש, וואו דיא בעדייטונג און דער ווערטה פון דאָלער הייבט זיך אלץ העכער און דער ווערטה פון מענשען, זיין לעבען, זיין געזונדהייט, זיין צופריעדענהייט, זיין גליק, זינקט אלץ נידעריגער און נידעריגער.

אפילו אין דער מעטהאָדע פון איהר טייפעלשער ארבייט, אין דער ארט און וויזע, וויא דיא קראַנקהייט פרעסט אויף איהרע קרבנות, טראָגט זיא אַ גרויסע עהנליכקייט צו דער רואינירענדער, פארניכטענדער ארבייט פון אונזער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. ניט מיט אימפּעט, ניט וויא אַ גזלן ווארפט זיא זיך ארויף אויף איהר קרבן. מיט אַ גאַנץ מילדען אויסזעהען טרעט זי צו צו איהם, און טהוט זיך איהרע ארבייט שטיל און געלאַסען, גלייך וויא זי וואָלט געוועזען זיכער אז דער קרבן וועט זיך פון איהר פאַר קיין פאַל ניט אויסדרעהען.

א שטיקעל גענויערען בעגריף וועגען דיא צאָהל פון דיא קרבנות, וואָס דיזער שטילער מחבל רייסט ארויס טאָג טעגליך פון אונז, קענט איהר בעקומען פון דעם רעפּאָרט פאַר דיא 2 וואָכען פון 18 נאָוו. ביז 2 דעצעמבער, פון דער „באָרד אָף העלטה" פון שטאָדט ניו יאָרק. דאָ זיינען אָנגעגעבען געוואָרען אלע אנשטעקענדע קראַנקהייטען פאַר דער ערשטער וואָך פון 18 ביז 25 נאָוו., און פאַר דער צווייטער וואָך פון 25 נאָוו. ביז 2טען דעצ.

	קראנק	געשט.	קראַנק	געשט.
מאַזלען	32	11	438	11
דיפטעריע (קרופּ)	310	31	285	34
סקאַרלאַטינע	153	11	157	6
קאָנסאָמפּשען (דער)	406	162	421	174
טיפּוס (טיפ)	65	9	71	10
געהירן ענטצינדונג	17	7	15	15
סך הכל	1277	231	1387	250

בעטראַכט נאָר וואָס דאָס הייסט: פון אלע אנשטעקענדיגע קראַנקהייטען צוזאמען זיינען דיא ערשטע וואָך געשטאָרבען 69 מענשען און פון „דער" אליין זיינען געשטאָרבען 162, כמעט 3 מאָל אזוי פיעל וויא פון אלע אנדערע קראַנקהייטען צוזאמען. דאָס זעלבע איז אין דער צווייטער וואָך: 76 פון אלע אנדערע קראַנקהייטען זיינען געשטאָרבען און 174 פון דעם שטילינקען מחבל אליין. און אזוי געהט דאָס פון וואָך צו וואָך. אמאָל עטוואָס ווייניגער, אַ מאָל עטוואָס מעהר, ניט נאָר אין ניו־יאָרק אליין, נור אויך אין דיא גרויסע שטעדט פון דער גאַנצער וועלט.

איין קראַנקער אין אַ געפּאַקטען טענעמענט הויז קען מעהר פערשפּרייטען דיא קראַנקהייט, וויא פיעל דער בעסטער און גרעסטער האָספּיטאָל פאַר קאָנסאָמפּטיווס קען אויסהיילען אין אַ יאָהר. דיא טובערקל באַצילען — אזוי הייסען די קליינינקע בעשעפּעניסען, וואָס פעראורזאַכען דיא קראַנקהייט — וועלכע דער דער'ניק (סוכאָטניק) ברענגט ארויס אין זיין שפּייעכץ, האַלטען זיך אויף פריש און לעבענדיג אם בעסטען אונטער דיא בעדינגונגען, וואָס הערשען אין דיא געדיכטע טענעמענט הייזער.

דר. ד. ס. טוויטשעלל האָט געמאכט פיעלע עקספערימענטען וועגען דער פראגע: וועלכע זיינען דיא אומשטענדען, וואָס האלטען אויף אם לענגסטען און אם בעסטען דעם לעבען פון דיזע גיפטיגע טובערקל באציללען? און ער ענדיגט דעם רעפּאָרט פון זיינע עקספּערימענטען אין MEDICAL NEWS, SEPT. 30, 1905. מיט דיזע בעהויפּטונגען:

„פון אלע קאָנדיציאָנען זיינען פינסטערניס און פייכטקייט דיא, וועלכע האלטען אויף דיא טובערקל-באציללען אם לענגסטען ביים לעבען".

אונטער דיזע קאָנדיציאָנען האָט ער געפונען דיא באציללען פריש און לעבעדיג צום סוף פון פינף מיט א האלב חודשים, וועהרענד דיא דירעקטע זונען שטראהלען טויטען אוועק דיא באציללען אין עטליכע שטונדען.

דער קאמפף געגען דער שוידערליכער קראנקהייט איז שוין פון לאנג איינע פון דיא וויכטיגסטע און שווערסטע אויפגאבען פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט.

פאָריגען חודש איז אויך אָבגעהאלטען געוואָרען אין פאריז אן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס צו זוכען מיטלען, וויא צו קעמפּפען געגען דער גרויזאמסטער קראנקהייט פון אונזער ציוויליזאציאָן. דער קאָנגרעס איז געוועזן שטארק בעזוכט און פלענער פון גרויסער וויכטיגקייט זיינען אָנגענומען געוואָרען.

פון דעם ריין-מעדיצינישען שטאנדפונקט איז דיא וויכטיגסטע זאך אויף דעם אינטערנאציאָנאלען קאָנגרעס געוועזן פּראָפעסאָר בעהרינג'ס ערקלעהרונג פון א נייעם הייל-מיטעל געגען דיא קראנקהייט. ער רופט דעם נייעם הייל-מיטעל T. C. בעהרינג וויל אָבער דערווייל ניט פארעפענטליכען, פון וואָס זיין הייל-מיטעל בעשטעהט און וויא ער מאכט איהם. ער וויל אז דאָס זאָל פערבלייבען זיין סעקרעט ביז'ן נעכסטען קאָנגרעס אין וואשינגטאָן אין יאָהר 1908. פאר דיא דריי יאָהר וויל ער אז זיין מיטעל זאָל גוט אויסגעפּרופט ווערען אין קליניקס פון בעוואוסטע און קאָמפּעטענטע ערצטע. אומזיסט האָט מען איהם אין פיעלע פלעצער שטארק קריטיקירט פאר זיין בעשלוס צו האלטען דעם הייל-מיטעל אין סעקרעט. יעדער קען איינזעהען אז זיין פאָרזיכטיגקייט אין אזא וויכטיגען ענין, איז א גאנץ גערעכטע. מיר האָבען גענוג גרינדע צו האָפען אז דער מיטעל וועט זיין אן ערפאָלג. בעהרינג איז דער זעלבער פּראָפעסאָר, וואָס האָט ערפונדען דעם איינשפּריץ-מיטעל געגען דיפטעריע, וועלכער האָט אָהן צווייפעל געראטעוועט הונדערטער-טויזענדער דיפטעריסטישע פּאציענטען פון טויט. אויך האָט ער שוין א זעהר עהנליכען מיטעל 4 יאָהר אָנגעווענדעט געגען טובערקולאָסיס — דער וויסענשאַפטליכער נאָמען פאר. קאָנסאָמפּשען — ביי א קוה און מיט א צימליך גוטען ערפאָלג. דער נייער מיטעל איז ניט א מין סירום, וואָס ווערט געברויכט געגען דיפּעטעריע, אויך איז ער ניט א מין „פּאָקען צו שטעלען". ער איז געגרינדעט אויף א גאנץ נייעם פּרינציפּ. זיינע אלגעמיינע שטריכען האָט פּראָפעסאָר בעהרינג אָנגעצייגט אין זיין רעפּאָרט פאר דעם פאריזער קאָנגרעס. מיר וועלען זיך דאָ ניט אָבשטעלען אויף דער אינטערעסאנטער טהעאָרעטישער זייטע פון זיין הייל-מיטעל און מיר וועלען בעסער ווארטען מיט געדולד ביז זיין פּראקטישער ווערט וועט פעסט געשטעלט ווערען אין דיא נעקסטע 3 יאָהר.

פיעל אינטערעסאנטער, פון סאָציאלען שטאנדפּונקט זיינען דיא פּאָרשלעגע, וואָס דיא פראנצויזישע פּאָרשטעהער מ. קאזימיר פעריע און מ. לעאָן בורזשאיו האָבען אריינגעבראכט אין קאָנגרעס און וועלכע זיינען איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען. אייגענטליך קען מען זאָגען, אז אויף דעם קאָנגרעס האָבען זיך ארויסגעצייגט הויפּט זעכליך צוויי בעשטימטע מיינונגען וועגען דיא פּראגע וויא צו בעקעמפּפען דיזע שטילע מגפה: דיא מיינונג פון דיא דייטשע געלעהרטע איז, אז דיא איינצעלנע וואָפע געגען דיזע שרעקליכע קראנקהייט בעשטעהט אין דעם צוא פארגרעסערען און פארבעסערען דיא סאניטאריומס (ספּעציעלע האָספּיטעלער אין פּאסענדע פרייע געגענדען) פאר שווינדזיכטיגע.

דיא מיינונגען פון דיא מייסטע פראנצויזישע געלעהרטע איז, אז מען קען זיך ניט בענוגענען מיט האָספּיטעלער און סאניטאריומס פאר דיא קראנקע, מען מוז אָנווענדען אלע קרעפטען צו פארניכטען דיא קוועלען וואָס רופען ארויס דיא קראנקהייט: דורך בעסערע געזונטערע וואָהנונגען, דורך ליכטיגערע און ברייטערע שולען, דורך בעסערע און געזינטערע לעבענס בעדינגונגען. זיי האָבען בעוויזען אז דער זאָרגען פאר בעסערע, היגיענישערע וואָהנונגען א. ז. וו. וואָלט געקאָסט פיעל ביליגער וויא דער אויפהאלטען פון האָספּיטעלער און סאניטאר-

יומים פאר דיא קראנקע. און דיא פריהער דער־מאַנטע פעריע און בורדזשוא האָבען דאריבער ארייגעבראכט דיא פאָלגענדע רעזאָלוציאָן, וועלכע איז אויך איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען פון קאָנגרעס: אין יעדער שטאָדט פון צוואנציג טויזענד איינוואוינער אָדער מעהר זאָל געגרינדעט ווערען א סאניטארישער באָרד, געזונדהייטס קאָמיטע, וועלכע זאָל האָבען דיא פולע מאכט צו אָבצוצאמען יעדע הויז וואָס זיי געפינען געפעהרליך פאר דיא געזונדהייט פון דיא טענענטס. אזעלכע הייזער מוזען גלייך ארונטערגעריסען ווערען. דיא מיטגליעדער פון קאָנגרעס זיינען פערפליכטעט פאָרצובריינגען און שטארק אגיטירען פאר דיזע רעזאָלוציאָן אין דיא געזעצגעבענדע קערפּערשאפטען פון אללע לענדער און אלע שטעדט. אויך זיינען אָנגענומען געוואָרען רעזאָלוציאָנען אז דיא פאָלקס שולען זאָלען זיין פערזאָרגט מיט גרויסע ליכטיגע הייפען און גערטנער. אויך האָט דער קאָנגרעס מיט בעגייסטערונג אָנגענומען דעם פאָרשלאג פון דר. הערצן און דר. ברוארדעל, אז מען זאָל איינפיהרען אין אלע פאָלקס שולען סיסטעמאַטישע אונטערריכט אין היגיענע (לעהרע וועגען געזונדהייט).

אזוי וויא ביי אונז, אין דיא פעראייניגטע שטאאטען, ווא דער קאפיטאליסטישער גייסט הערשט אונגעשטערט איבעראל: אין פּאָליטיק, אין דער פרעסע; אין דער קירכע, אין דיא אוני־ווערזיטעטען און שולען, וועט מען געווים פער־שוויגען דיזע רעזאָלוציאָנען, זאָלען אונזערע גע־נאָכזע בענוצען זיך מיט דיזע רעזאָלוציאָנען און ארייינשטעלען דיזע פאָדערונגען אין אונזער מיו־ניסיפּאלע פּלאטפאָרמען.

*   *   *

איך האָב זיך אביסעל מאריך געווען ביים קאָנגרעס און וועל דערפאר מוזען מקצר זיין ביי דיא אנדערע זאכען. איך וועל זיך דעם מאָל לאָ־זען בענוגענען מיט נאָך א קורצע בעמערקונג וועגען דעם וואוקס פון דיא אייזען באהנען אין אמעריקא. דערפון וועט איהר דייטליך זעהען, וויא שטארק ציוויליזירט עס זיינען דיא פער־אייניגטע שטאאטען, אז זיא שטעהט אויף דער שפּיצע פון פּראָגרעס ניט נאָר אין דער שנעלער פערשפּרייטונג פון דער שרעקליכער פּראָלעטא־רישער מגפה, וועגען וועלכער מיר האָבען דאָ פריהער אָנגעצייגט, אָבער אויך אין דער עשירות פון איהרע באהן־מאגנאטען.

אין POOR'S MANUAL OF RAILROADS. געפינען מיר אז אין 1903 זיינען אויפגעבויט געוואָרען 4397 מיילען נייע אייזענבאהן. אין 1904 5014; אין גאנצען זיינען איצט דאָ 212,349 מיילען אייזענבאהן. דער ווערטה פון זיי איז 15 טויזענד מיליאָן דאלער. רעכענענדיג אם העכסטען א ערך 30 מיליאָן פאמיליען דאָ אין לאנד קומט אויס, א קאפּיטאל פון 500 ביז 600 דאלער פון זיי אייזענבאהנען אליין אויף יעדע פאמיליע, דיא הכנסות, וועלכע דיא אייזענ־באהנען האָבען פון פאסאזשירען דערגרייכט 455,067,129 דאלער. דיא הכנסות פאר פראכט כמעט 3 מאָל אזוי פיעל. איהר זעהט אז מיר האָבען זיך מיט אונזער אמעריקא ניט וואָס צו שעמען. וואָס, וואָס, געלד האָבען מיר געווים גענוג.

דר. אב. קאַספּע.

קריטיק

1) א גרינגער תענית, פון שלום עליכם, פערלאַג „ביכער פאַר אַלע“, ווארשא, 1905.

2) האָדל. (א מעשה פון טביה דעם מילכיגער), פון שלום עליכם, פערלאַג „ביכער פאַר אַלע“, ווא רשא, 1905.

דער פערלאַג „ביכער פאַר אלע“ אין ווארשא איז געווען, קאָן מען זאָגען, דער ערשטער אין רוסלאנד, וועלכער האָט זיך בענוצט מיט דיא נייע פרייע וועהונגען פון דער נייער פרייער צייט און גענומען ארויסגעבען לעגאל אין פליין מאמע־לשון כאָציאליסטישע ביכלעך. יעצט זיינען שוין דאָ עטליכע אנדערע („צייט־ביבליאָטעק“, „די נייע צייט“) און אין גיכען וועלען מיר מן הסתם האָבען דאָרטען א היבשע ביסעל פון דעם מין פערלאַגען. על כל פנים איז אין רוסלאנד, א דאנק דעם בונד׳ס טהעטיגקייט, נישט אין ערך גרויס דער פערלאַנג אויף ערנסטע סאָציאליסטישע ליטעראטור.

א חוץ זיינע ריין וויסענשאפטליכע ביכלעך האָט דער אויבען דערמאָנטער פערלאַג ארויסגעלאָזען אויף׳ן מארק 5—10 קאָפּיקענע באַזונדערע ערצעהלונגען פון אונזערע בעסערע שרייבער. דאכט זיך, אז דאָס איז אויך דער ערשטער פערזוך צו פערשפרייטען אויף דעם אופן אין דער מאסע גוטע בעלעטריסטיק. די דאָזיגע אויסגאבען האָבען, וואהרשיינליך, שטארק אויכגענומען ביים אידישען לעזער, ווייל פון איין שלום עליכם׳ס ווערק זיינען ביז אהער ארויס 26 אויסגאבען (ערצעהלונגען, מאָנאָלאָגען, איין־אקטערם).

„דער גרינגער תענית“ און „האָדל“ געהערען צו דיא נייעסטע ווערק פון דעם בעגאבטען קינסטלער־הומאָריסט. און דארום, ווי דאָס רוב ווערק זיינע פון דער לעצטער שטורעמדיגער צייט אין רוסלאנד, האָבען זיי א העכסט סימפּאטישע ראדיקאלע טענדענץ. „האָדל“ איז איבערהויפּט די ערשטע פון זיינע ערצעהלונגען און—ווי ווייט עס איז אונז בעקאנט, די ערשטע אין דער לעגאלער אידישער ליטעראטור, וואו עס ווערט אָבגעמאָלט דאָס נייע מענשעל, דער אידישער רעוואָלוציאָנער. פערשטעהט זיך, אז דאָ פיהלט זיך נאָך אלץ דער פערפלוכטער קבלה־לשון פון דעם שרייבען אונטער צענזור (די ערצעהלונג איז געווען איבערגעדרוקט אין „פריינד“ מיט אונגעפעהר א יאָהר צוריק, אָבער די צוויי־דריי כארעקטעריסטישע שטריכען פון׳ם העלד, זיין פּראָפּאגאנדא־ארבייט און זיין אוועקגעהן בעל כרחו קיין סיביר אָדער ארכאנגעלסק. נאָך דעם ווי ער איז אָבגעזעסען א לאנגערע צייט זיינען בעשריעבען אָהן פּינטעלעך.

„האָדל“ האָט די בעסטע מעלות פון שלום עליכם׳ס גוט בעקאנטער קינסטלערישער פעדער. טביה דער מילכיגער, איינער פון די געלונגענסטע כאראקטערען, וואָס דער הומאָריסט האָט בעשאפען (ער האָט שוין פון זעלביגען טביה דריי אנדערע מעשיות־מאָנאָלאָגען), שטעהט פאַר אייך ווי א לעבעדיגער מיט זיין איינפאכער, נישט געקינצעלטער וועלט־אנשויאונג, מיט זיין געזונטען עכט־אידישען וויץ, אין וועלכען עס ליעגט אזא גוזמא׳דיגע קענען דעם מענשענ׳ס טבע, מיט זיינע פסוקים פון דער תורה, וואָס ער פערדרעהט זיי תמיד די קעפ, און ס׳קומט ארויס דוקא אזוי, ווי עס פאסט זיך איהם צום מדרש, און ענדליך מיט זיין טרייען חבר—דעם הארָאפּאשנעם פערדעל.

דיא געשטאלט פון׳ם רעוואָלוציאָנער, דעם שלים־מזל, פעפעריל הייסט דאָס, וואָס טביה׳ס טאָכטער, האָדל, האָט זיך אין איהם פערקאָכט מיט׳ן גוף און מיט דער נשמה און מיט׳ן הארצען און מיט לייב און לעבען און איז איהם נאָכגעגאנגען אין די וויסטע מדבריות אויפ׳ן פערגליווערטען ים (אזוי מאָלט אייך אָב די געשיכטע טביה אליין), איז ארויס נישט גאנץ קלאָר. א פנים דער שרייבער האָט נאָך נישט געפועלט ביי זיך צו געבען אונז א קלאָר בילד פון א אידישען רעוואָלוציאָנער. פון דעסטוועגען קריגט איהר דאָך א גוטען בעגריף פונ׳ם יונגען וועלט־פערזאָרגער, וועלכער דערעסט נישט און דערשלאָפט נישט און געהט אָהן שטיוועל און איז זיך מוסר נפש אלץ פאַר זיי, פאַר די יגיע־כפים׳ניקעס, די בעלי־מלאכות.

נאָך איין זאך איז אינטערעסאנט אין דער ערצעהלונג. עס טרעט דאָ ארויס דער תהום צווישען אלטען דור און נייעם, וועלכע רעדען אויף פערשיעדענע לשונות און קאָנען זיך נישט פערשטעהן. און דאָס איז אייגענטליך דער טראַגישער עלעמענט פון דער ערצעהלונג. די וועלט

פון די אונטערדריקטע איז צוטיילט אין צוויי פיינדליכע מחנות: איין מחנה, פון דיא, אין שקלאפישער וועלט־אנשויאונג אויפגעצויגענע מקבל־באהבה׳ניקעס, מיט פערדולטע מוחות און פערשטאָפּטע הערצער, ווארפט זיך מיט שנאה, מיט האס, אויף די יונגע העלדען, די קעמפפער פאר זייער אלעמענס בעפרייאונג, און כאפּט זיי פאר די הענד און שטערט זיי צו פיהרען דעם היילינגען שטרייט. און גאנץ אָפּט פאלען די קעמפּפער נישט פון שונא׳ס האנד, נאָר פון די הענד פון אָט אזעלכע אומגליקס־מענשען, בלינדע קנורען. וואהרשיינליך נור צוליעב די זייטיגע אויסרעכענונגען, וואָס האָבען געשטערט דעם שרייבער צו געבען א קלאָר בילד פון יונגען העלד גופא, איז דער דאָזיגער תהום נאָר אָנגעדייט אין דער ערצעהלונג אָבער נישט אויסגעמאָלט אין זיין גאנצער טראגישקייט.

„דער גרינגער תענית“ שטעלט פאָר א שרעקליך בילד פון אידישען נויט און הונגער אין דער פערפלוכטער „טשערטא“. דאָס איז א קינסטלערישע אילוסטראציאָן צום אונערטרעגליכען עקאָנאָמישען צושטאנד פון די אידישע מאסען אין רוסלאנד, און זיכער מעהר איבערציינענדיג ווי א טויז ביכער אָנגעשטאָפּט מיט סטאטיסטישע חשבונות. חיים חייקין געהט אוים איינפאך פאר הונגער. ער האָט זיך סיסטעמאטיש אָבגעוויינט פון עסען, פאסטענדיג נאָכאנאנד תעניתים, כדי זיין חלק ברויט זאָל אָנקומען די צוויי קליינע פערהונגערטע קינדערלעך — פראדקען און ביילקען. אָבער צום נישט עסען איז אויך מן הסתם פראן א גרענעץ. אין חייקין שטארבט אוועק, ווי אין יענער מעשה מיט׳ן איירישען פערד, ווען ער האָט זיך שוין בעמט גאָר אין גאנצען אָבגעוויינט פון דער אָנגעשריבען איז די טרויעריגע ערצעהלונג מיט א שטארקער זאפטיגער פעדער, אין לעבעדיגע בילדער. שיין, ריהרענדיג און פּסיכאָלאָגיש־טריי איז דאָס לעצטע בילד, וואו דער אָבגעשוואכטער פון לאנג הונגערן בעל־תענית זיצט אין בית־המדרש, און אין קאָפּ נעהמט זיך איהם מישען, און פאר דיא אויגען זעהט ער „א מאָדנע וועלט, א נייע וועלט... מלאכים עפּעס שוועבען איהם פארביי די אויגען, און ער דערקענט אין זיי זיינע קינדער... ער וויל זיך פארענטפערן פאר זיי, אז ער איז ניט שולדיג... וואָס איז ער, חיים, שולדיג, אז מענשען דארפון יענעמ׳ס שווייס, אז מענשען דארפען מענשען׳ס־בלוט?“

מען דארף האָפען, אז אין א פרייען רוסלאנד וועט שלום עליכם בעלייכטען מיט זיין קינסטלערישער פעדער די זייטען פון אידישען לעבען, וואָס ביז אהער האָט די צענזור נישט געלאָזט זיך צו זיי צוריהרען.

ח. אַלעקסאַנדראָוו.

י. י. פּראָפּוס, (ליעדער)

1905, סט. פּעטערסבורג.

י. י. פּראָפּוס דיכטעט שוין א היבש ביסעל יאהרען, און דאך איז ער געוועזען איין אונבעקאנטע גרויס אין דער סומע פון אונזער ליטעראטור. ערגייץ־וואו און ווען עס איז האבען מיר וואָס עס איז פון איהם געלייענט. מיר האבען איהם גיקאנט נור שטיקעלוויים און נישט געהאט פון איהם א פּאלשטענדיגען בעגריף. יעצט ליעגט ער פאר אונז א גאנצער, א גענזאמעלטער, און מיר ווייסען איהם.

ער איז נייעט קיין שטארקער, איהם איז ביז יעצט נישט געשייקט געווארען מעכטיג צו פערכאפּען אונז מיט דעם אויסדרוק פון זיינע געפיהלען, צו בערוישען אונז מיט דעם קלאנג פון זיינע ווערטער. אונזער הארץ קלאפּט נישט שטארקער אונטער דער קראפט פון זיינע ריטמען, אין מיר געהען זעלטען אויף אין דער שיינהייט פון זיינע בילדער. אבער דאך איז ער א דיכטער, און נישט בלויז, ווי א סך פון אונזערע דיכטער, ווייל זיי רעדען צו אונז אין א דיכטערישער פארם, אין פערזען און גראמען. פון זיינע שורות רעדט צו אונז א דיכטערישע נשמה, וועלכער מיר הערען צו מיט פערגניגען מיט א געוויסער ריהרונג אפילו. און צארט און ווייך איז שטימונגספול איז צום ביישפיעל זיין „פּאלקסמאטיוו“:

בלאנדזשעט אום מײַן שיפעלע,
בלאנדזשענען מיר אין אײנעם;
שווימען מיר און שווימען צו
צו א וואלד א שײנעם.
הער איך דארט, א מיידעלע
זינגט זיך שײנע לידער,
שטעל איך אב דאס שיפעלע,
זעץ מיך שטיל אנידער.

ציעהט עס מיך אין וואלד אריין,
ציעהט עס מיך ווי צוואנגען;
לאז איך שטעהן דאס שיפעלע,
טהו מײַן הארצס פערלאנגען...
ציעהט עס מיך אין וואלד אריין,
ציעהען מיך די טענער — —
לאזט זיך די זון אראב,
ווערט אלץ קלענער, קלענער...

קומט די נאכט די פינסטערע
ווייך און שטיל צופאהרען,
טרעט איך אין דעם ווילדען גראז.
טרעט אן אויף א דארן...
בײַנקט זיך נאך מײַן שיפעל מיר
עגבערט עס מײַן זינען —
קאן איך נישט, אי, וועה איז מיר,
דעם וועג צוריק געפינען!...

און מיר פיהלען זי, די דיכטערישע נשמה, אפילו דארטען, וואו ער געברויכט קיין פאסענדען אויסדרוק, וואו די שפראך איז ארים און דאס געברויכטע בילד נישט ריכטיג — און דאס קומט בײַ איהם זעהר אפט פאר. נעהמען מיר צום בײַשפּיעל דאס שטימונגספולע געדיכט:

אין א טיעפען זומפּ,
פינסטער ווי די נאכט,
האב מײַן קינדהייט איך
טרויעריג פערבראכט.
אין דעם טיעפען זומפּ
האב צום ערשטען מאל
איך געהערט, ווי ס'רופט
מיך און וועקט א קול...
וואס דאס האט בעדײַט,
האב איך נישט געוואוסט;
דאך געפיהלט דעם קול
האב איך טיעף אין ברוסט
און אין גרינעם פעלד,
בײַ זון־אונטערגאנג,
האב איך שטילערהייט
איהם געזוכט דארט לאנג,
און בעשפּריצט מיט גאלד
פון דער פולער זאנג,
האב געוויינט איך שטיל,
האב געוויינט איך לאנג...

* * *

אין א טיעפען זומפּ
בין געבוירען איך —
ס'האט געטאן א שיין,
און פערשוואונדען גיך...
און א מילדער קיל,
ווייך ווי א מוזיק,
האט צוגאסען זיך,
פול מיט ליעבע, גליק.
און איך האב געהערט,
ווי עס רופט: „אָ, קינד!
זוך מיך נישט אין פעלד,
וואו עס וועהט דער ווינד,
וואו עס בליהט די בלום,
אָנגעזאָפּט מיט טוי,
וואו דער הימעל רײַן,
וואו דער הימעל בלוי.
אין דעם טיעפען זומפּ,
דארטען זוך מיך, קינד,
וואו עס בליהט קיין בלום
און עס וועהט קיין ווינד,
וואו דאס לעבען ליעגט
אבגעשטארבען, שטום,
וואו קיין אדלער פליהט
מעכטיג, פרײַ ארום — —
דארט, אין טיעפען זומפּ,
רוף איך איך, אָ, קינד,
וואו עס בליהט קיין בלום
און עס וועהט קיין ווינד..."

דאס געדיכט איז אונקלאר און פעהלערהאפט. מיר ווייסען אייגענטליך נישט, וואס פאר א קול ער האט געהערט, ווי מיר ווייסען נישט, וואס האט איהם א שיין געטאן און איז גיך פערשוואונדען. מיר מוזען צוגעבען, אז „ווייך ווי א מוזיק" איז א שלעכטער אויסדרוק, און מיר זעהען אײַן, אז עס האבען איהם אויסגעפעהלט נאטורבילדער: זעהר ארם איז אויסגעדריקט דער היפך פון דעם זומפּ און דער פליהענדער אדלער איז אריינגעשלעפּט געווארען אונגערכטער־הייט, גלאט אזוי צום שטראם־גראם. און דאך... און דאך דערקענען מיר דא א דיכטער. מיר פיהלען מיט איהם דעם קול „טיעף אין ברוסט". מיר בעגרייפען איהם און פערשטעהען איהם.

אדער נעהמען מיר דאס געדיכט „ביים ברעג פון ים". זיין ים מוז זיין א שלאפעדיג, שטיל־שטעהענדיג וואסער, ווייל מיר זעהען פון איהם גארנישט און זיינע וועלען „שעפּצען" נור. די נאכטיגאל און דער וואלד ארום איהם ביים ב־עג פון ים זיינען גאנץ צווייפעלהאפטע עקזיס־טענצען. און ווען ער רופט צום סוף אויס: „ווען איך וועל פון חלום ערוואכען—פערוועלקט וועלען זיין אויך די איינציגע בלומען!" העבען מיר נישט אן צו ווייסען, ווער, וואס, וועמען, און בעגרייפען, אז דאס איז ווידער גלאט זיך אין דער וועלט אריין געזאגט געווארען א שיינע פראזע. און דאך געלינגט איהם איבערצוגעבען אונז דאס אונבעקאנטע, „בײַנקען נאך לעבען, נאך ליכט" און מיר איבערלעבען עס מיט איהם. א דיכטער האט דא צו אונז גערעדט.

א דיכטער. — פון דעם אונבעקאנטען בײַנקען. ווען עס קומט אויף איהם אן די דאזיגע בײַנקענים, גיסען זיך איהם ריהרענדע ווערטער פון זיין נשמה, שאפט ער זיינע בעסטע לידער, צארט און ווייך און שטימונגספול. דאס איז זיין גרונדטאן, אויף וועלכען ער מאכט

דיכטערישע וואריציאנען. פערלאזט ער אבער דעם גרונדטאן, כאפט ער גאנץ אפט א פאליטען טאן און די ליעדער קלינגען געמאכט. ער מוז נאך זעהר יונג זיין, אדער ער האט נאך זעהר וועניג וואס ערלעבט. זיינע ליעדער צו דער געליעבטער זיינען נישט אריגינעל; דאס איינ־ציגע ארבייטער־ליעד אין דער זאמלונג אויף דעם אלטען מאטיוו פון „איהר שאפט פאלאצען פאר פרעמדע“ איז גלאטיג אנגעשריעבען, אבער גאנץ קראפטלאז און אונבעדייטענד. און וואו ער העבט זיך אויף צו א קרעפטיגען טאן, רעדט ער בלויז נאך אנדערע, ווי צום ביי־שפיעל, אין דעם געדיכט „געטער“, וואו ער רעדט נאך געטהעס „פראמעטעאוס“. — מיט יאהרען וועט ער זיך אפשר אויך אין דעם פרט געפינען.

ד. פ.

דער וועג צום אייביגען גליק

(א פאליטיש־עקאנאמישער עטיוד)

פון לאסאר איבנים.

אויף דלוגא גאס נומער 26, ווארשא, איז דא א פערלאג וואס גיט ארויס „ביכער פאר אלע“.

אז מען גיט ארויס ביכער פאר אלע, מוז מען נאטירליך שרייבען פון אלעס און פון אלע־מען. הערר לאכאר איגניס, וועלכער האט פאר דיזען פערלאג געשריבען א קליין ביכעלע פון 36 זייטעלעך האט דאס זעהר גוט פערשטאנען. אין דיא 36 זייטעלעך האט ער ווירקליך געשריעבען פון אלעס און פון אלעמען.

דאס ביכעלע, וויא דער נאמען ציינגט, זאל אונז פיהרען אויף „דעם וועג צום אויביגען גליק“ איך וואלט אבער ראטהען מיינע פריינדע אין ווארשא, זיי זאלען ניט נאכפאלגען הערן איגניס, אויב זיי ווילען געפינען „דעם וועג צום אויביגען גליק“. ווייל ער אליין בלאנזשעט אין א טיעפען און געדיכטען וואלד פון וועלכע עס זעהט זיך קיין שטעג און קיין וועג. אפילו דאכי ווייטע פייערעל, וועלכעס לייכט אזוי אפט דעם מידען וואנדערער, זעהט זיך ניט אויף זיין „וועג“.

דער וועג צום אייביגען גליק איז איבער־הויפט א שווערער און א ווייטער. ביי הער איגניס איז גאר ניט ארויסצוקריכען.

אנהייבען, הייבט ער אן פון דער צייט, ווען דיא מענשען האבען געוואהנט אין דיא וועלדער און „מדבריות“, ווען זיי האבען זיך ערנעהרט מיט דעם, „וואס דיא נאטור האט זיי יעדען טאג צוגעשיקט“. און ער לאזט זיך פליהען איבער דיא גאנצע מענשליכע ענטוויקלונג ביז דעם היינטיגען טאג. ניין! נאך ווייטער, ביז נאך דיא סאציאלע רעוואלוציאן, און דאס אלין אויף 36 קליינע זייטלעך. איהר קענט פערשטיין, וואסער געדיכטע וואלד דארט איז. נאטירליך, אז מען דארף לויפען אזא געדיכטען וואלד מיט דיא שנעליגקייט פון א שנעל־צוג, מוז מען זיך זעהר אפט פערטשעפען, און פערפלאנטערען, און אוועקרייסען, און צוקאליטשען. און דאס פאסירט אונזער פערפאסער זעהר אפט.

דער לעזער פערשטעהט שוין, אז דאס בי־כעלע איז א סאציאליסטיש ביכעלע און דער „וועג צום אייביגען גליק“ איז דער סאציאליז־מוס.

אז א ביכעלע פון דיזען אינהאלט זאל ער־שיינען אין ווארשא מיט דיא „ערלויבנים פון צענזור“ איז פאר אונז, דא, אן איבערראשונג. צו דערזעלבער צייט פערדריכט אונז ווארום גראדע אזא ביכעלע זאל ווערען געשריע־בען פון א ניט געניטע האנד. דער פער־פאסער שיינט צו זיין א גוטער סאציאליסט, ער שיינט אויך צו זיין בעקאנט מיט דיא דייטשע סאציאליסטישע ליטעראטור, דער מיש־מאש אין דיזען ביכעלע מוז אלזא קומען פון דעם, וואס דער שרייבער איז ניט געניט אין דיא „ביזנעס“.

און א מיש־מאש איז דארט א גרויסער.

באלד אויף דעם ערשטען זייטעל געפינען מיר, למשל, אזא זאץ: „דיא עקאנאמישע געזעלשאפט בעשטעהט איצט פון צוויי יסודות: קאפיטאליסטען און ארבייטער, וועלכע פיהרען א בעשטענדיגען קאמפף פאר פריוואט אייגענ־טהום.“

עס וועט אונזער פערפאסער אנקומען שווער צו ערקלערען וואסער געזעלשאפט עס איז דיזע „עקאנאמישע געזעלשאפט“, און וויא אזוי דיא ארבייטער „קעמפפען פאר פריוואט אייגענ־טהום“. מיר האבען געהערט פון עקאנאמישע פערהעלטניסע, עקאנאמישע אומשטענדען; מיר האבען געהערט, אז ארבייטער קעמפפען פא־

מעהר שכירות, פאר א קירצערען ארבייטס־טאָג, פון אן „עקאָנאָמישער געזעלשאפט“, און אז ארבייטער קעמפפען מיט קאפיטאליסטען פאר „פריוואט אייגענטהום“, האָבען מיר קיין מאָל ניט געהערט. נאָך הערר איגינס קעמפפען דיא ארבייטער פאר פריוואט אייגענטהום, און דאָס איז אפשר דיא אורזאכע, וואָס ער האָט גאָר ניט צו זאָגען פון דיא ארבייטער יוניאָנס. ער רעדט דאכט זיך פון אלע מעגליכע קאפיטאליסטישע אינסטיטוציאָנען; ער פערגעסט ניט דיא ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון ערד ארבייט, פון האנדעל, פון געלד, פון ווערקצייג, פון פריוואט אייגענטהום, פון ווערטה און מעהר ווערטה, פון פערטהיילונג דער ארבייט, ענטוויקלונג פון דער מאשינעריע, פרויען און קינדער ארבייט, פראָסטיטוציאָן און פרעמדע מארקעטס; ער רעדט פון קריזיסען, ענטוויקלונג פון דיא רעגירונגען און זייער עובדא, פון קאָמוניזמוס, פון טראָסטס, (ער רופט דאָס „טרעסטס“) פון דער צוקינפטיגער געזעלשאפט, מיט איין וואָרט: דיא גאנצע מענשליכע ענטוויקלונג קומט אונטער זיין פעדער, פון דיא יוניאָנס, ווייס ער אייך גאָר ניט צו זאָגען. אין זיין חומש, שטעהט הפנים גאָר ניט פון יוניאָנס. פאר דאָס פערזיכערט ער אונז אויף זייטע 34.

„נאָר אז מיר זאָגען, אז דיא געזעלשאפט מוז אָרגאניזירען א בשותפות׳דיגען בעטריעב פון דער מדינה, מיינען מיר נישט, אז דאָס מוז טהון חיים אָדער זרח, דער אָדער יענער, און זאָגאר אלע חיים׳ס און אלע זרח׳ס פון דער געזעלשאפט — אויף אזא אופן וואָלטען מיר זיך דרויף קיינמאָל נישט דערוואַרטען. דיא איניציאטיווע איינצוריכטען דיא בשותפות׳דיגע אינדוסטריע אין דער געזעלשאפט געהערט צו דער רעגירונג פון יעדען לאנד.“

כמעט אויף יעדער בלעטעל קען מען געפינען עטוואָס וואָס איז דאכט זיך סאָציאליסטיש, דאכט זיך פאָליטיש־עקאָנאָמיש, אָבער כמעט אויף יעדער בלעטעל וועט איהר געפינען אזעלכע פערדרייעניסען. עס איז אָבער אונמעגליך אלעס איבערצוגעבען. דיא עטליכע שורות וואָס איך האָב אויבען איבערגעגעבען, וועלען, האָפענטליך, איבערצייגען דעם לעזער, אז דער וועג פון לאסאר איגינס, איז ניט דער וועג צום אייביגען גליק.

יאם.

פיליפ קראַנץ. שבתי צבי
(זיין ביאָגראפיע)

(ארויסגעגעבען פון דיא אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק פּאָבלישינג קאָ., ניו יאָרק. פּרייז 15 סענט.)

אין דיעזען ביכעל, וועלכעס ענטהאלט 78 זייטען, געפינען מיר מעהר, ווי בלויז דיא הוילע ביאָגראפיע פון שבתי צבי. שוין אָבגערעדט דערפון, וואָס דאָס ביכעל לעזט זיך מיט א עכט שפּאַנענדען אינטערעס און ערטערווייז וויא א „שעהנע מעשה“, זיינען פון דיא פאקטען פון דעם בעריהמטען, נאָר ניט ווייניגער פאלשען משיח׳ס לעבען אויסגעקליבען בלויז דיא וויכטיגסטע און כאראקטעריסטישע עפּיזאָדען, וועלכע האָבען א שייכות מיט דעם גאנצען אידישען לעבען פון יענער צייט.

דיא עפּאָכע פון שבתי צבי פערנעהמט איינעם פון דיא מערקווירדיגסטע קאפיטלאך פון דער אידישער היסטאָריע. יענע צייט האָט ארויפגעלעגט א טיעפען חותם אויף דיא ענטוויקלונג פון אידישען גייסט און מיסטיציזמוס, וועלכער איז נאָך ניט אָבגעמעקט געוואָרען ביז היינטיגען טאָג.

דיא איינלייטונג פון הערר קראנץ צו יענער עפּאָכע איז אָנגעשריבען זעהר קלאָר און גיט א פּאָלשטענדיגען בעגריף וועגען דעם גייסטיגען לעבען פון אונזערע עלטער־זיידעס.

דאָס ביכעל איז ווערט געלעזען צו ווערען פון יעדען אידען, וועלכער האָט נור געהערט דעם נאָמען „שבתי צבי“. און ווער האָט דיעזען נאָמען ניט געהערט?

בן—יקיר.

ראָלאנד האָלסט.

העָנריעטע ראלאנד־האָלסט. גענעראל־סטרייק און סאָציאל־דעמאָקראטיע. מיט איינעם פאָרוואָרט פון קארל קויטסקי. (אין דייטשער שפּראך), דרעזדען, 190. פּרייז 1 מאַרק (*

אין דעם בוך ווערט געמאכט דיא פּראָבע צו ברייננגען אין א סיסטעם און אָבצושאצען פון א סאָציאל־דעמאָקראַטישען שטאנדפּונקט דיא

---

*) דער ווערק פון פרוי ראלאנד האָלסט איבער דער ברענענדער פראגע וועגען גענעראל־סטרייק האָט אנגעמאכט א רעש, בעזאָנדערס ווייל קאוטסקי האָט געגעבען זיין הסכמה אויף איהם.—רעד.

בעדריטונג פון דיא זאָרט סטרייקס, וועלכע ווערען אָנגעפיהרט ניט צוליעב עקאָנאָמישע צוועקען און פון פיעל אָרגאַניזאציאָנען צו דערזעלבער צייט. דיא פערפאסערין בענוצט דערביי דיא אלע ערפאהרונגען, וואָס זיינען געמאכט געוואָרען אין פערשיעדענע לענדער מיט דעם זאָרט סטרייקס.

דיא פערפאסערין געפינט פיער הויפּטפאָרמען פון דיא זאָרט סטרייקס: 1) דער פעראלגעמיינערטער (גענעראליזירטער) סימפּאַטהיע־סטרייק, ווען ארבייטער, וועלכע זיינען גאָר ניט פארמישט אין א געוויסען ככסוך, טרעטען ארויס אין סטרייק אויס סאָלידאריטעט צו זייערע חברים. 2) דער עקאָנאָמישסאָציאלער גענעראל־סטרייק, ווען אלע ארבייטער פון אלע אינדוסטריען ווערען ארויסגערופען אין סטרייק מיט דעם צוועק צו מאכען א סאָציאלע רעוואָלוציאָן, אָדער א הקדמה דערצו. 3) דער עקאָנאָמישער סטרייק מיט א פּאָליטישע בעדייטונג, ווען א עקאָנאָמישער סטרייק נעהמט אָן אונטער געוויסע אומשטענדען א פּאָליטישען באראקטער. 4) דער פּאָליטישער מאסענסטרייק, ווען עס ווערט ארויסגערופען א גרויסער מאסענסטרייק ספּעציעל צוליעב פּאָליטישע צוועקען.

פון דיא פיער זאָרטען סטרייקס קומט דיא ערשטע פאָרם געוועהנליך פאָר דאָרט, וואו דיא טרייד־יוניאָניסטישע בעוועגונג איז נאָך ניט שטארק עטנוויקעלט. אונטער אזוינע אומשטענדען און אונטער געוויסע אויסנאהמספעלע קען ער ברייגגען נוצען. דאָרט אָבער, וואו מען געברויכט איהם פּרינציפּיעל אלס וואפע, קען ער זעהר שטארק שאדען דיא ענטוויקלונג און דיא פארפעסטיגונג פון דיא געווערקשאפטען און איז דערפאר שעדליך.

אין גאנצען ענטזאגען דארף מען זיך פון צווייטען זאָרט סטרייק: פון עקאָנאָמיש־סאָציאלען סטרייק, וועלכען **דיא** אנארכיסטען פּרעדיגען מיט אזא היטץ. ער איז געבויט אויף א פּאָלשטענדיגע פאלשע אידעע וועגען דיא אומשטענדען און מיטלען, דורך וועלכע מען קען איינפיהרען א סאָציאליטישע ענדערונג אין דער געזעלשאפט.

דיא עקאָנאָמישע סטרייקס מיט פּאָליטישער בעדייטונג קומען אזוי אָפט פאָר, אז דער פאקט אליין ווייזט שוין, אז די פיערטע פאָרמע, דיא פּאָליטישע מאסענסטרייקס, האָט פעסטע וואורצלען אין עקאָנאָמישער און פּאָליטישער ענטוויקלונג. דיא פערפאסערין רעכענט אויס אלע פּאָליטישע מאסענסטרייקס, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין דיא לעצטע יאָהרען און ווייזט, וועלכע רעזולטאטען זיי האָבען געבראכט.

דיא פערפאסערין האָט געווידמעט צוויי קאפּיטלאך אויף פּאָלעמיק מיט דיא פיינד און געגנער פון פּאָליטישען מאסענסטרייק. דאן אונטערזוכט זיא דיא בעדינגונגען, אונטער וועלכע מען קען האָפען צו האָבען אנערפאָלג מיט דעם זאָרט סטרייקס, און וועלכע ציעלען מען קען זיך שטעלען, ווען מען געהט צום סטרייק.

דער ווערק איז געפּלאנט געוואָרען נאָך א שעהנער מעטהאָדע. איינצעלנע טהיילען זיינען אויך טיעף און לאָגיש בעהאנדעלט געוואָרען. פרוי ראלאנד—האלסט זוכט פון דיא פאקטען ארויסצונעהמען דעם עקר, דאָכ וויכטיגסטע. זיא פערשטעהט אויך זיך אָבצושטעלען אויף וויכטיגע פּונקטען. עס איז א פלייסיגע ארבייט. דער גאנצער בוך איז אויפגעבויט אויף א בעשטימטע אידעע, וועלכע זאָגט אז דיא סאָציאלע געגענזעצע צווישען דיא פערשיעדענע קלאסען ווערען אלץ שארפער און אז זיי טרייבען סוף כל כוף צו א רעוואָלוציאָנערן איבערקעהרעניש.

דיא וויכטיגסטע בעדינגונג פאר א ערפאָלגרייכען פּאָליטישען מאסענכטרייק איז זעלבסטפערשטענדליך דיא שטארקייט פון דער ארבייטער קלאסע אין צאָהל און איהר גייסטיגע בערייטוויליגקייט צוא געהן אין קאמפף. אָבער ניט וועניגער וויכטיג איז אויך דיא צוזאמענזעצונג, דער גייסטיגער צושטאנד און דער ארסענאל פון קאמפף מיטלען פון דיא ניט פּראָלעטארישע קלאסען.

דער בוך האָט אָבער אין זיך אויך פיעל ווידערשפּריכע און איינזייטיגקייטען. דאָס זיינען זיינע שאָטען זייטען און אָן זיי דארף מען ניט פערגעסען, ווען מען לייענט דעם בוך.

עד. בערנשטיין.

ביזנעס דעפּאַרטמענט

פון צייט צו צייט וועלען מיר דורך דיזער אבטהלונג זיך דורכריידען מיט אונזערע לעזער.

עס זיינען דאָ פיעל זאכען, וואָס וועט אייך אינטערעסירען. אונזער ביזנעס איז צו פערשפּרייטען דיא „צוקונפט" קריגען מעהר לעזער, מאכען דיא „צוקונפט" מעהר איינפלוסרייכער.

עס איז וויכטיג דיא לעזער זאָלען וויסען, אז ארויסגעבען אזא זשורנאל וויא דיא „צוקונפט" קאָסט א סך מעהר, וויא מען קריעגט דערפאר.

צוויי זאכען זיינען נויטווענדיג מען זאָל אימשטאנדע זיין ארויסצוגעבען אזא זשורנאל.

ערשטענס איז לעזער. וואָס מעהר לעזער מיר וועלען האָבען, אליץ מעהר וועלען מיר זיין אימשטאנדע ארויסצוגעבען א בעסערע „צוקונפט", און וואָס בעסער דיא „צוקונפט" וועט זיין אליץ מעהר לעזער וועלען מיר קריגען.

ווען יעדע אָרגאניזאציאָן, וועלכע האָט זיך געשטעלט פיר איהר אויפגאבע צו פערשפּרייטען בילדונג און אויפקלערונג, וואָלט ווירקליך ערפילט איהר אויפגאבע, וויא פיעלע טהוען עס טאקע, און ניט בלויז בענוגענען זיך דערמיט, וואָס זיא האָט אָנגענומען אזא פּלאטפאָרמע, וואָלט זייער לייכט געווען צו קריגען טויזענדער לעזער.

דיא „צוקונפט" ווערט פערגרעסערט, פערבעסערט און פערשעהנערט. ס'איז זעהר לייכט צו קריגען סובסקרייבערס פאר דיא „צוקונפט" נאטירליך ווען דיא גענאָסען וועלען זיך נעמען צו דעם. אלזאָ צו דער ארבייט גענאָסען !

קלייבט סובסקרייבערס פאר די „צוקונפט", יעדער וואָס וועט ארייינשיקען פינף סובסקרייבערס, וועט קריגען צוגעשיקט א יאָהר „צוקונפט" פריי אויף אירגענד וועלכע אדרעססע איהר וועט וועלען.

די יעניגע, וועלכע וועלען ארייינשיקען מעהר סובסקרייבערס ביז דעם 1־טען דזשולי, 1906, וועלען קריגען א פיינעם פּרעזענט אלס אנערקענונג פיר דער נאָבעלער ארבייט צו פערשפּרייטען בילדונג צווישען דיא מאססען.

מיר וועלען יעדען מאָנאט פערעפענטליכען דיא נעהמען פון דיא גענאָסען וואָס טהוען פיר דער „צוקונפט". אויך דיא צאָהל פון סובסקרייבערס וואָס זיי האָבען ארייינגעשיקט.

מיר גלויבען ניט אין דיא היינטיגע קאָנקורענץ, מיר טרייען צו דערנענטערען דיא צייט, ווען קאָנקורענץ וועט אָבגעשאפט ווערען, און גראדע דאפיר איז נויטיג אז דיא קאָנקורענץ פיר פערשפּרייטען בילדונג און אויפקלערונג זאָל זיין וואָס שטארקער, דער קאמפף וואָס העפטיגער. דעם 1־טען דזשולי וועלען מיר וויסען, ווער עס האָט געטהאָן אם מייסטען פאר דיא „צוקונפט".

זייט איהר דער יעניגער !

טרייט צו קריעגען דעם פּרייז, וואָס דיא „צוקונפט" וועט געבען.

דער צווייטער פונקט, וועגען וועלכען מיר ווילען זיך מיט אייך דורכריידען איז וועגען אדווערטייזמענטס.

דיא הויפּט איינגאהמע, היינטיגע צייטען, פון אלע צייטונגען, זשורנאלען, איז פיר אדווערטייזמענטס.

יעדער פעהיגער געשעפטסמאן, יעדער פּראָפעסיאָנעלער, יעדע אָרגאניזאציאָן, וואָס וויל מען זאָל פון איהם וויסען מוז אדווערטייזען.

דער בעסטער פּלאץ פיר דעם איז דיא „צוקונפט".

דיא „צוקונפט" איז דער איינציגער וויכענשאפטליכער, סאָציאליסטישער זשורנאל אין אידיש. יעדער לעזער פון דיא „צוקונפט" איז ניט נור א לעזער, נור אויך א סימפּאטייזער, איינער וואָס אינטערעסירט זיך מיט דעם.

מיר ווייסען אז איין אדווערטייזמענט אין דיא „צוקונפט" ברייינגט דיא בעסטע רעזולטאטען, ווייל דיא לעזער סימפּאטיזירען דיא אדווערטייזער, וועלכע סימפּאטיזירען מיט זייער זשורנאל.

וואָס מיר פערלאנגען פון אייך גענאָסען, סימפּאטייזער און פריינדע איז, אז דיא אדווערטייזער זאָלען וויסען וועגען דעם. פּאטראָניזירט דיא אדווערטייזער פון „צוקונפט" און פאַרגעסט ניט צו זאָגען זיי, אז איהר האָט געלעזען זייער אדווערטייזמענט אין „צוקונפט", און איהר פּאטראָניזירט זיי דאפיר.

מאכט אויפמערקזאם אלעמען, זיי זאָלען אדווערטייזען אין דער „צוקונפט".

וואָס אנבעלאנגט דיא אדווערטייזמענטס, ווילען מיר מאכען אויפמערקזאם פאָלגענדעס. דיא אדווערטייזינג פּיידזשעס פון „צוקונפט", וועלען זיין ריין און אנשטענדיג. אונאנשטענדיגע און צווייפעלהאפטע אדווערטייזמענטס וועלען ניט אָנגענומען ווערען אין דער „צוקונפט".



אוגוסט קאָמפּ.

די צוקונפט

No. 2 (Whole No. 102) FEBRUARY 1906 New S ries No. 50 Vol. XI

סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און מארקסיזמוס

(צום יובילעאום פון דער "צוקונפט")

דיא „צוקונפט“ לעבט ווידער! נאָך פיער א האלב יאהר טוידט איז זיא תחית המתים אויפ־געשטאנען!“ דאס זיינען דיא ערשטע ווערטער פון ערשטען נומער פון דער נייער צוקונפט.

דיא ווערטער זיינען געדרוקט געוואָרען דעם 1טען יאנואר 1902. היינט האָבען מיר דעם 1טען פעברואר 1906. פופציג חדשים ליעגען צווישעןביידע דאטען, און מיט צופריעדענהייט און שטאָלץ קוקען מיר אויף דעם נומער „50“, וואָס שטעהט אויף דעם נייעסטען העפט פון דער „צו־קונפט“. 50 חדשים — 50 נומערן. קיין איינ־ציגען חודש און קיין איינציגען פון דיא יאהרען האָט דיא „צוקונפט ניט פערפעהלט צו ער־שיינען.

דער פופציגטער נומער איז פופציגטען חודש איז א׳ן ערפאָלג פאר יעדען ערנסטען זשורנאל.. עס איז א שטאָלץ פאר יעדען סאָציאליסטישען זשורנאל. עס איז א׳ן אמת׳ער, פריילּיכער יום טוב, א פאָלשטענדיגער טריאומף פאר א אידי־שען, ערנסטען וויסענשאפטליכען סאָציאליסטי־שען זשורנאל. אלע פריינד פון דער "צוקונפט" מעגען זיך גראטולירען. און אלע דיא, וואָס האָבען אוועקגעלייגט מיה און כחות צו שטיצען דעם זשורנאל און איהם צו העלפען ערשיינען מעגען צופריעדען זיין: זייער מיה, זייערע אָפפערס זיינען ניט פערלאָרען געגאנגען אומ־זיסט.

דער יום טוב פון דער „צוקונפט“ איז אָבער ניט נאָר א יום טוב פאר זיי. עס איז ניט נור א טריאומף פון זשורנאל איבער זיינע לעזער, וועלכע ער האָט צוגעבונדען צו זיך ניט מיט שטריק פון „שפאנענדע“ לעזעשטאָף, נור געזוכט זיי אויפצוהייבען צו זיך, זיי צו בילדען, אויפ־קלערען, צו מאכען זיי פאר בעסערע, דענקענדערע פרייערע מענשען און סאָציאליסטען. עס איז א טריאומף פאר דיא אידישע אמעריקאנישע סאָציאליסטישע בעוועגונג בכלל. דאָס, וואָס דיא „צוקונפט“ איז היינט אימשטאנד צו פייערן איהר 50טען נומער, חאָטש זיא האָט זיך ניט אראָבגעלאָזען צו דיא שוואכקייטען פון דיא לעזער, זיך ניט גע׳חנפ׳עט צו זיי, נור דיא גאנצע צייט געבליבען טריי צו איהרע אידעאלע אויפ־גאבען, איז א גוטער אטעסט פאר אונזער אידי־שע סאָציאליסטישע בעוועגונג: און ווען עס קו־מען דיא מינוטען פון פעסימיזמוס און ווארפען ארויף א שלייער פון מעלאנכאָליע אויף דיא צוקונפט פון דער בעוועגונג; און ווען עס קומען סקעפטיקער און צווייפלען, אויב עס זיינען דאָ ביי אונז כחות אויפצובויען איבער דאָס ניי א געזונדע, ערנסטע סאָציאליסטישע בעוועגונג, דאן דערמאָנט זיי אָן היינטיגען יובילעאום פון דער „צוקונפט“ און זאָגט זיי: ניט מיאש זיין דארף מען זיך אין דער געגענווארט, ניט פערצווייפלען אין דער ציקונפט פון א בעוועגונג, וועלכע קען פייערן היינט אזא זארט יובילעאום פון א זשור־נאל וויא דיא „צוקונפט“.

יא, דיא געגענוואַרט פון דער „צוקונפט“ איז די בעסטע גאַראַנטי פאַר איהר צוקונפט און פאַר דיא צוקונפט פון דער יודישער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין אמעריקא.

* * *

אין א געדריקטער שטימונג, עפּעס מיט א זאַרט פערטהיידיגונג פאַר דיא „העזה“ צו וועלען עקזיסטירען אין דיא „צוקונפט“ ארויס צום ערשטען מאָל אויף דער וועלט: „דער סאָציאַליסטישער אידעאַל איז ניט קיין אידעאַל פון א פעלדפּעבעל. דער סאָציאַליסטישער אידעאַל דאַרף ניט איינגעשנורעוועט ווערען. דיא סאָציאַליסטען זיינען ניט מחויב פאַרצושטעלען מיט זיך עגיפּטישע מומיען, איינגעבאַלזאַמירטע פּגרים, וועלכע מוזען בלייבען אימער פערשטיינערט.“ אזוינע „עיקרים“ געפינען מיר דאָן אין „אונזער פּראָגראַם“. א שווערע, טרויעריגע, פינסטערע צייט, ווען מען האָט אזוינע „עיקרים“ ארויסגעשטעלט!

דער שרייבער פון יענעם ארטיקעל (גענאָסע לעסין) פיהלט אליין, אז עפּעס איז ניט כשורה ווען א וויסענשאַפטליך־סאָציאַליסטישער זשורנאַל מוז ארויס מיט אזא פּראָגראַם. אונצעהליגע מאָל ווייזט ער אַן אויף דעם „אונגלויבען“, „אַבהענגיגקייט“, אויפ'ן „צווייפעל“, „אונצופרידענהייט“ און ד. גל. „אזוי — זאָגט ער — האָט מען ביי אונז דערלעבט צו א פיעל מינים'דיגען סאָציאַלדעמאָקראַטיזמוס.“ דער פיעל מינים'דיגער סאָציאַלדעמאָקראַטיזמוס האָט זיך נאָך דער עדות פון יענעם פּראָגראַם־ארטיקעל אויסגעדריקט ביי אונז אין „אזא נישטיגען, העסליכען כאַראַקטער פון פאַמיליען צאַנקעראייען“, און „דאַרום איז עס ביי אונז אזוי קאָכעדיג, וויא אין גיהנם און קאַלט וויא אין ים הקרח“. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען: „דיא ארויסגעבער פון דער „צוקונפט“ קענען שוין איצט ניט מודיע זיין, סתם אין דער וועלט אריין: וויא זיי האָבען עס געטאָן ביי דעם ערשיינען פון דער אַלטער „צוקונפט“. „מיר זיינען סאָציאַלדעמאָקראַטען“ און שטעלען נאָך הער א פונקט און אָפּהאַקען. אונטער דיא עקזיסטירענדע אומשטענדען וואָלט אזא ערקלערונג זעהר וועניג ערקלערט.“

דאָס איז געשריעבען געוואָרען פאַר 4 יאָהר צוריק. „דער ווייזהייט לעצטעס וואָרט“ איז דאָן געווען „ניט צו האָבען קיין בעשטימטע ריכטונג“. נור אויף אזא אופן, — האָט מען געדענקט ביי אונז — וועט מען קומען „צום ענדליכען אויסגלייך, אריינברענגענדיג אין דיא גייסטער אויפקלערונג, בעוועגונג און לעבען.“

דער גייסטיגער צושטאַנד פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע וועלכע ווערט געשילדערט אין יענעם ארטיקעל אין פּאַטעטישען טאָמאָן האַלב־בעדויערנד, האַלב־בעוואונדערנד, איז דאָן געווען א וועלט־קראַנקהייט. „רעוויזיאָניזמוס“ האָט די קראַנקהייט געהייסען. — „נייע גליקען“, נייע „תורות“ האָט מען געזוכט, נייע מעטהאָדען, נייע טאַקטיקען האָט מען גענומען אָנווענדען. דער סאָציאַליזמוס אַלס פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש ע בעוועגונג איז מיט אַמאָל געוואָרען צו שמאָל. דיא סאָציאַלדעמאָקראַטיע אַלס קלאַסענפּאַרטיי צו ענג. דער קלאַסענקאַמפּף אַלס קאַמפּפסמיטעל צו „ברוטאַל“. עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזמוס אַלס וועלט־אַנשויאונג צו „גראָב“. דיא סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אַלס אידעאַל, אַלס ענדציעל צו „ווייט“. מען האָט געוואָלט ווערען ברייט, איידעל, אַלגעמיין, זאַנפט, מילד און נאָך מעהר ווי אַלץ פּראַקטיש. „איין שפּערלינג אין האַנד“, דאָס איז געווען דער העכסטער אידעאַל. און דיא גאַנצע נייע מעטהאָדע האָט געדאַרפט בעשטעהן אין דעם, וויא דעם שפּערלינג צו בעקומען דורך אַלערליי מיטלען.

דער רעוויזיאָניזמוס האָט געהאַט פערשיעדענע פאָרמען, אין פערשיעדענע לענדער, אַבער זיין נשמה איז בעצם געבליעבען איבעראַל דיא זעלבע: זיא איז בעשטאַנען אין פאַנטאַזיען וועגען דער ווירקליכקייט, אין חלומות וועגען פּראַקטישקייט.

דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזמוס (מאַרקסיזמוס) האָט געשטודירט, אויסגעפאָרשט דיא קאַפּיטאַליסטישע ווירקליכקייט, ענטדעקט איהרע בעוועגענדע כחות, אויסגעפונען איהר נאַטירליכען גאַנג און האָט זיך איבערציינט אז א גאַנץ נייע, בעסערע פאָלקאָמענערע אָרדנונג מוז געשאַפען ווערען, ווארום דיא איצטיגע קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג איז אויפגעבויט אויף א גאַנץ פאַלשען און פערקעהרטען פונדאַמענט פון פּריוואַט־אייגענטום, אויף די פּראָדוקציאָנסמיטלען, טהיילונג אין קלאַסען, עקספּלואַטאַציאָן, אונטערדריקונג פון מענשען דורך מענשען, און זיא איז ממילא פער'משפט אונטערצוגעהען. די סאָציאַליסטישע טאַקטיק (דיא אַלטע מעטהאָדע) איז ביים מאַרקסיזמוס געבויט אויף דעם גרונדפּרינציפּ פון דער שטרעבונג צו דער נייער אָרדנונג. דער ענדציעל, סאָציאַליזמוס איז איהר גרונדשטיין. דיא „בעוועגונג“ איז אויף אזוי

פיעל אווירקליכע בעוועגונג, ניט קיין פערגליוועורונג, אויך וויפיעל זי פיהרט צום ענדציעל. דיא פראקטישקייט איז אויך אזו פיעל ניצליך, אויף וויפיעל זיא העלפט נעהנטער צום ענדציעל. און זיא איז אויך אזוי פיעל שעדליך, אויף וויפיעל זיא שטערט דער בעוועגונג פיעל צו קומען ווייטער. קומען ווייטער הייסט פערשטארקען דיא מאכט פון דעם רעוואלוציאנערען קלאס פון פראלעטאריאט, דערצו איז אבער נויטיג קודם כל, אז דער פראלעטאריאט זאל פיהלען זיין לאגע, פון אונטערדריקטען, עקספלואטירטען, פערשטויסענעם קלאס אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט און אז ער זאל פערשטעהן קלאר זיין אויפגאבע פון א רעוואלוציאנערען קלאס, פון דעם שעפפער פון דער צוקינפטיגער געזעלשאפט. דערצו איז נויטיג, מיט איין ווארט, אז דער פראלעטאריאט זאל זיין קלאסענבעוואוסט, און אז דעם געגענזאץ צווישען איהם און דער בורזשואזיע זאל ער פיהלען אלץ שארפער און קלארער. אזא טאקטיק איז רעוואלוציאנער, אידעאליסטיש. זיא איז אין דערזעלבער צייט אויך פראקטיש, זאגאר דיא איינציגפראקטישע, אויב מען וויל דורך דיא פראקטיק קומען וואס גיכער צום אידעאל : צום סאציאליזמוס.

פאר דיא רעוויזיאניסטען איז אבער דיא שטרעבונג צום אידעאל ניט פראקטיש, נור אוטאפיסטיש. זיי האבען זיך אויסגעארבייט א בעזונדערען בעל־הבית'שען בעגריף וועגען „פראקטישקייט". פראקטיש איז דאס וואס ברענגט דעם פראלעטאריאט „א שפערלינג אין האנד". צו איז דער שפערלינג גוט פאר זיין פראלעטארישען מאגען, צו קען דער שפערלינג זעטיגען זיין פראלעטארישען הונגער, צו לאזט מען דורך דעם ניט צעהן אנדערע אויף דיא קאפיטאליסטישע דעכער, דאס אלץ איז פאר זיי קיין פראגע ניט. און וויא באלד דער שפערלינג (דיא פראקטישע רעפארמען) איז אלץ און דיא שטרעבונג צום אידעאל (ענדציעל) גארנישט, דערפאר איז זעלבסטפערשטענדליך, אז עס איז נויטיג אויך א „נייע מעטהאדע", וויא צו בעקומען דעם איין שפערלינג אין האנד.. מען דארף זיך היטען ניט פערנאנדערצוטרייבען דיא צעהנדליגע שפערלינגע פון דיא קאפיטאליסטישע דעכער, דאן וועלען זיי שענקען דעם פראלעטאריאט אויך איינעם.

אט אויף אזא אופן האט זיך אויסגעארבייט דיא „נייע מעטהאדע", זיא איז פראקלאמירט געווארען אין פראנקרייך פון זשארעס'ן און „פראקטיש" דורכגעפיהרט געווארען פון מילעראן, דעם „סאציאליסטישען" מיניסטער. פאר דיא מתנה פון א „סאציאליטטישען" מיניסטער האבען דיא סאציאליסטען דער פראנצויזישער בורזשואזיע געשאנקען א סך און א סך שפערלינגע. פאר דיא עהרע און דעם גליק „צו געהען צוזאמען" מיט דיא אנדערע פארטייען האבען זיי זיך ענטזאגט פון א סך און א סך פראלעטארייטע פאדערונגען און סאציאליסטישע פרינציפען. קיינער פון דיא עהרליכע רעוויזיאניסטען איז חלילה ניט געווארען קיין פעררעטהער צום סאציאליזמוס. פון זיי האט זיך חלילה קיינער ניט ענטזאגט פון סאציאליסטישען אידעאל. זיי האבען איהם נור אבגעלעגט אויף א ווײַלע, אבגעלעגט יעדעס מאל, ווען מען האט געדארפט האנדלען „פראקטיש".

ווען אין פראנקרייך איז דער חלום וועגען פראקטישקייט כמעט ניט ערפילט געווארען אויפ'ן וואהר, האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז עס איז גאר ניט פראקטיש צו האבען א „סאציאליסטישען" מיניסטער און צו געבען דיא בורזשואזיע דיא מעגליכקייט אונטער דעם צודעק אבצוטאן אלערליי קונקעל־מונקעל־געשעפטען. און עס בלייבט געווים איינע פון דיא גלענצענדסטע איידעלסטע העלדענטהאטען פון דעם שעפפער פון דער „נייער מעטהאדע", זשארעס, וואס ער אליין האט פריה בעמערקט, און צוגעגעבען זיין טעות. ער האט שוין לאנג געזאגט : „נא מאר" ! מעהר קיין „סאציאליסטישע" מיניסטארען טאר מען ניט דערלאזען. ווייל... עס איז ניט „פראקטיש". ער האט עס געזאגט גראדע אין דער צייט, ווען עס איז געשריעבען געווארען דער ארטיקעל אין דעם ערשטען נומער „צוקונפט". שוין אין יענער צייט איז דער רעוויזיאניזמוס אין אייראפא אלזא געשטאנען אויף דעם וועג צוריק. פון זיין זון האבען שוין גענומען פאלען גרויסע שאטענס.

פון דאן אן האט זשארעס נאך פיעל מאל געזאגט : „נא מאר" ! דיא אלע ענטדעקונגען פון דער „נייער מעטהאדע" האבען זיך ארויסגעוויזען ניט פראקטיש. און עס איז ווידער געווען דער גלאנץ און דיא העלדענטהאט פון זשארעס'ן אויף אזוי ווייט צו קענען גובר זיין איבער זיך צוזאמענצוברענגען אלע סאציאליסטישע פארטייען אין פראנקרייך צו א פעראייניגונג אויף דעם גרונד פון דער ראדיקאלער, מארקסיסטישער,

ד ר ע ז ד ע נ ע ר א ו ן נ א כ ה ע ר א מ־
ס ט ע ר ד א מ ע ר ר ע ז א ל ו צ י א ן, איז וועל־
כע עס ווערט איינפאך ערקלערט פאר אונמעגליך
דיא עקזיסטענץ פון „פערשיעדענע ריכטונגען“,
ווארום דיא אנדערע ניט מארקסיסטישע ריכ־
טונג ווערט ניט אנערקענט אלס סאציאלדעמא־
קראטישע.

דער מיניסטעריאליזמוס, דיא שטרעבונג
צו האבען א חלק אין מיניסטעריום וואס איז
אין פראנקרייך געווארען ווירקליכקייט, איז אין
איטאליען געווען א לענגערע צייט דער אידעאל
פאר דיא דארטיגע רעוויזיאניסטען מיט טוראטי
אלס פיהרער; און עס איז ניט מעהר ווי
פערשטענדליך, אז פראנקרייך'ס ביישפיעל און
מילעראנס סוף האט געמוזט ווירקען אויך אויף
דיא היציגע איטאליענער רעוויזיאניסטען,
ווי א שטארקער קאלטער שטראם. אין איטא־
ליען האבען דיא אנהענגער פון דער נייער טאק־
טיק אפילו ניט בעוויזען צו ברענגען צו א
שפאלטונג אין דער פארטיי. אין איטאליען איז
אויפ'ן לעצטען קאנגרעס אנגענומען געווארען
איין טאקטיק פיר דיא גאנצע פארטיי און דיא
טאקטיק איז דיא אלטע מארקסיסטיש־רעוואלו־
ציאנערע. פון דאן אן זיינען דיא רעוויזיאניס־
טען געווארען נאך שוואכער, נאך אבהענגיגער.
פון דאן אן האט גענומען אויפשווימען זאגאר א
נייער זארט איבער־ראדיקאליזמוס (סינדיקאליז־
מוס רופט מען איהם).

ווען דער „פראקטישער חלום“ איז דערגאנ־
גען צו דיא דייטשע רעוויזיאניסטען, איז שוין
דער עכט־דייטשער, טהעארעטישער, רעוויזיא־
ניזמוס געווען א שברה כלי. דיא פארטיי האט
שוין צוויי מאל געהאט זיך אבגעשאקעלט פון
איהם. זיין גייסטיגע אהנמאכט און אונפעהיג־
קייט צו שאפען א נייע, בעסערע, פאלקאמענערע
סאציאליסטישע טהעאריע איז שוין געווען דער־
וויזען פראקטיש. זיין קריטיק געגען מארק־
סיזמוס געווארען אלץ קליינליכער. דאס איז
געווען נאך דעם גרויסען „3 מיליאנען זיעג“.
דיא דייטשע רעוויזיאניסטען האבען געוואלט
בעקומען דעם לעצטען קלאפ אויפ'ן
„פראקטישען באדען, און זיי האבען איהם בעקו־
מען דורך דיא דערמאנטע דרעזדענער רעזאלו־
ציאן.

אויך דער דייטשער רעוויזיאניזמוס איז
שוין געשטאנען אים אונטערגאנג, ווען ביי אונז
האט מען נאך מורא געהאט צו רעדען וועגען
„א בעשטימטע ריכטונג“. דער דייטשער, טהעא־
רעטישער רעוויזיאניזמוס, מיט זיינע גייסטיגע
פיהרער, דיא צוויי עדוארד'ס: בערנשטיין און
דאוויד, האט זיך פערמאסטען „לעקר את הכל“
אין מארקסיזמוס: דער קאמוניסטישער מאני־
פעסט איז פעראלטעט, עקאנאמישער מאטעריא־
ליזמוס איז איינזייטיג. דיא געגענזעצע צווישען
דיא קלאסען ווערען גאר ניט שארפער. דיא קא־
פיטאלען קלייבען זיך גאר ניט וואס ווייטער אין
אלץ ווייניגער הענד. דער עלענד און נויט
וואקסט גאר ניט ביי דיא ארבייטער־מאסען אלץ
גרעסער אין פערהעלטניס צו דער עשירות פון
דיא רייכע. דיא קאפיטאליסטישע געזעלשאפט
קען עקזיסטירען אויך אהן קריזיסען. דיא
רעזערוו־ארמעע וואקסט גאר ניט. און דערפאר
איז פאלש צו רעכענען אויף פאליטישע קאטא־
סטראפען, עס איז אויך פאלש צו שטרעבען צו
עראבערן דיא פאליטישע מאכט און איינצו־
פיהרען דיא דיקטאטור פון פראלעטאריאט.
דאס זיינען דיא „עקרים פון דער נייער רעווי־
זיאניסטישער טהעאריע. דאס אלץ איז ארויס־
געזאגט געווארען אין דירעקטען ווידערשפרוך צו
דער אלטער מארקסיסטישער טהעאריע.

נו, און וואס איז געשעהן? צו זיינען דיא
נייע עיקרים בעוויזען געווארען כאטש אזוי
פיעל ווי דיא „אלטע, פאלשע“ מארקסיסטישע
עיקרים? צו זיינען דיא אלע עיקרים כאטש גע־
בראכט געווארען אין איין וויסענשאפטליכע
סיסטעם, ארומגענומען געווארען אין איין איינ־
הייטליכע טהעאריע ווי דיא „אבגעלעבטע“
מארקסיסטישע?

פרעגט ביי דיא פארשטעהער פון רעוויזיא־
ניזמוס, פיעללייכט וועלען זיי אייך קענען אנ־
רופען דעם טהעארעטיקער, וועלכער האט עס
געטאן. מיר ווייסען נור, אז דיא גייסטיגע פיה־
רער פון רעוויזיאניזמוס האבען אונז געהייסען
געהען אלץ צ ו ר י ק! צוריק צו קאנט, צוריק
צו פיכטע, צוריק צו לאנגע, צוריק צו לאסאל,
צוריק צו ראדבערטוס, א. ז. וו. וועגען דעם, אז זיי
זאלען פיהרען פאראויס, ווייסען מיר ווייניג וואס
צו דערצעהלען.

אט אזוי האט פאסירט אז נאך דעם ווי זיי
האבען זיך א לאנגע צייט געדרוקט צוריק, האבען
זיי זיך צוריק אומגעקעהרט צום.... „פעראלטע־
טען“ מארקס און גענומען איהם, מארקס'ן, אויס־
לעגען אויף א נייעם נוסח. אט דאס איז טאקע
„פראקטיש“: אי א רעוויזיאניסט איז מען, אי
א מארקסיסט בלייבט מען און מען איז ניט
מחויב צו ענטדעקען נייע אמעריקאס. איצט

פיהלט מען זיך אויף „יענער“ זייט גאַר בעליידיגט, אז מען רעדט וועגען „ריכטונגען“, וועגען געגנערשאַפט צו מאַרקס.

איצט שרייבט איינער פון דיא אנגעזעהענע רעוויזיאָניסטען אין דייטשלאַנד פאָלגענדעס: „אויף דער פראַגע צו וועלכער ריכטונג זיי געהערען? וועט דער ווייט גרעסטער טהייל פון דיא פאַרטיי־גענאָסען איינפאַך ענטפערן: צו דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער. זיין א סאָציאַלדעמאָקראַט הייסט אָבער נאַטירליך שטענדיג זיין ראַדיקאַל אין דעם זינן, צו קעמפפען געגען דיא וואָרצלען פון דער עקזיסטירענדער אָרדנונג. זיין א סאָציאַלדעמאָקראַט הייסט אויך אימער זיין א מאַרקסיסט אין דעם זינן מודה צו זיין, אז דיא סאָציאַלדעמאָקראַטיע ערקענט אין מאַרקס'ען איהר גרעסטען לעהרער, וועלכער האָט איהר אָנגעוויעזען דעם וועג. ראַדיקאַליזמוס און מאַרקסיזמוס עקזיסטירען אלזא ניט בעזונדער אין דער פאַרטיי. זיי זיינען דער פונדאַמענט, דער עיקר פון דער פאַרטיי, וואָרום מענשען וואָס זיינען ניט ראַדיקאַל און ניט מאַרקסיסטיש זיינען ניט קיין סאָציאַלדעמאָקראַטען און געהערען ניט צו דער פאַרטיי.“

עס איז געווען נאָך א לאַנד, וואו דער רעוויזיאָניזמוס האָט זיך שטאַרק צופלאַקערט, — דאָס איז רוסלאַנד. דער טהעאָרעטישער רעוויזיאָניזמוס איז דאָרט איניגע יאהר געוואָרען א מאָדע זאַך. כמעט אלע לעגאַלע מאַרקסיסטישע שרייבער, זיינען מיט א מאָל געוואָרען געגנער פון מאַרקס'ען. אין דער יונגער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַלדעמאָקראַטישער בעוועגונג האָט זיך אויך דער פּראַקטישער רעוויזיאָניזמוס ארייגעכאַפּט. ניט וועגען א סאָציאַליסטישען מיניסטער האָבען דיא רוסישע „פּראַקטישע“ רעוויזיאָניסטען גע'חלומ'ט. נור זיי האָבען געפּרעדיגט, אז מען דאַרף פיהרען מעהר ניט וויא א עקאָנאָמישען קאַמפּף. מע טאָר צו דיא ארבייטער ניט קומען מיט קיין „פּאָליטיק“, וואָרום דאָס איז ניט „פּראַקטיש“. פיהרען א'ן עקאָנאָמישען קאַמפּף וועט אונז דיא רעגיערונג ניט אַזוי שטאַרק שטערען און דערמיט וועלען מיר אויך בעסער קענען צוקומען צום רוסישען ארבייטער.

און היינט? דער „עקאָנאָמיזמוס איז גיך אראָבגעזונקען ביז אין דיא טיעפעניש פון דעם אויבער־זשאַנדאַרם זובאַטאָוו מיט זיין „לעגאַלער־ארבייטערבעוועגונג. און זיי ביידע זיינען [illegible] לאַנג דערטרונקען געוואָרען אין ים של שכחה. היינט זיינען דיא טרייד־יוניאָנס (דיא פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, וויא זיי הייסען דאָרט) דיא פיהרענדע רעוואָלוציאָנערע פּאָליטישע מאַכט. היינט זיינען נאָך דאָ אין רוסלאַנד צוויי סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטייען, אבער איינע איז „אָרטהאָדאָקסישער“, „מאַרקסיסטישער“, רעוואָלוציאָנערער פאַר דיא אַנדערע. און דיא „וואָס לאַכען אין הויפענס פון מאַרקסיזמוס“ מוזען צו דערזעלבער צייט אויף ראַטעווען דיא לאַנד פון „דיא דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט“, און זעהען זייער לעבענסאויפגאַבע אין דעם צו צושטערען דיא „ברוטאַלע ענגהערציגע א. ז. וו. מאַכט פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע“. מאַרקסיזמוס און סאָציאַלדעמאָקראַטיע זיינען ניט נור אין דיא אויגען פון פריינד, נור אויך אין דיא אויגען פון פיינד גלייכבעדייטענד.

אָט דאָס איז דער סך הכל פון דער ענטוויקלונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אין פערלויף פון דיא לעצטע פיער יאהר, וואָס זיינען אוועק צווישען דעם ערשטען און פופציגסטען נומער פון דער „צוקונפט“.

און איצט ענטפערט איהר לעזער זיך אליין, צו איז היינט ווידער ניט גענוג מודיע צו זיין: „מיר זיינען סאָציאַלדעמאָקראַטען און שטעלען נאָכהער א פּונקט און אָבהאַקען“? צו ערקלערט אַזא ערקלערונג נאָך אלץ זעהר וועניג? צו קען מען אויך היינט נאָך אלץ „ניט אָנצייגען אויף א בעשטימטע ריכטונג“?

* * *

אויף דער זייט פון אָקעאַן טראָגען מיר אריבער אונזער גייסטיגען בליק, און שטעלען דיא זעלבע פראַגע: „צו איז גענוג היינט צו זאָגען: מיר זיינען סאָציאַלדעמאָקראַטען און שטעלען א פּונקט“?

אונז דאַכט זיך, אז עס איז מעהר וויא גענוג.

מיר זעהען פאַר אונזערע אויגען צוויי סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטייען. מיר זעהען אבער ניט קיין סאָציאַלדעמאָקראַטישע ריכטונגען. ביידע פּאַרטייען זיינען מאַרקסיסטיש, ביידע זיינען ראַדיקאַל, ביידע זיינען געגנער פון טהעאָרעטישען און פּראַקטישען רעוויזיאָניזמוס. אין דעם סאָציאַליסטישען ווישענשאַפטליכען טהייל פון זשורנאַל קען מען ניט ענטדעקען ניט קיין ס. פּ.־מאַן, ניט קיין ס. ל. פּ.־מאַן. ערשט אין פּאָליטישען, ריכטיגער געזאָגט, אין פּאַרטייפּאָליטישען טהייל. און אויפ'ן [illegible]

כען בארען, געהען זיך דיאביידע פארטיי־לייט פערנאנדער.

מיר זעהען פאר אונז טויזענדער אידישע סאציאליסטען, וועלכע געהערען צום בעדויערן דערוויילי נאך ניט צו קיינע פון דיא צוויי אמערי־קאנער סאציאליסטישע פארטייען. זיי זיינען אבער פון דער היים ערצויגענע, אויפגעקלערטע קלאסענבעוואוסטע סאציאלדעמאקראטען. איהר ווייסט אלע זייער נאמען: בונדיסטען, הייסען זיי. פרעגט זיי: צו וועלכען ריכטונג געהערען זיי? און מיט שטאלץ וועלען זיי אייך ענטפערן: דער „בונד" איז א סאציאלדעמאקראטישע פארטיי", און זיי וועלען שטעלען א פונקט און אבהאקען.

מיר האבען נאך ארגאניזאציאנען פון אנדערע רעוואלוציאנערע פארטייען איז רוסלאנד: דיא רוסישע סאציאלדעמאקראטען, דיא פאלנישע סאציאלדעמאקראטען. וועגען דיא ערשטע איז דאך ניטא וואס צו רעדען, אבער, אויך דיא לעצטע וועלען אייך ענטפערן דיא זעלבע תשובה.

נון האבען מיר נאך רוסישע סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען. זייער פיהרער האט ערקלערט אז זיי לאכען איז דיא הויפענס פון מארקסיז־מוס. אלזא, א בעזונדערע ריכטונג איז דער סאַ־ציאלדעמאקראטיע? א ניין. זייער פיהרער איז געוועזען אזוי גוט מוסיף צו זיין, אז זיי זיינען ביטערע שונאים פון דער סאציאלדעמאקראטיע און שרעקען זיך זאגאר פאר דיא דיקטאטור פון פראלעטאריאט. פרעגט זיי: צו איז גענוג צו זאגען: מיר זיינען סאציאלדעמאקראטען און שטעלען א פונקט און אבהאקען? און איהר וועט בעקומען א קלארען ענטפער: מעהר וויא גענוג! מעהר וויא גענוג צו מאכען אונז פאר זייערע געגנער, מעהר וויא גענוג צו זוכען זיי צו פער־טיליגען.

מיר האבען אנארכיסטען... אבער זיי דארף מען גאר ניט פרעגען. דיא תשובה ווייס דאך אפילו יעדער חדר־אינגעל.

מיר האבען נאך פערשיעדענע ציוניסטישע־סאציאליסטען. אויך זיי וועלען מיר בעסער ניט פרעגען, כאטש מיר וועלען, וואהרשיינליך, בעקומען דעם געוויינשטען ענטפער: „מיר זיינען סאציאלדעמאקראטען". פון זיי דארף מען ערשט ערווארטען בעווייזע, זייער ענטפער איז נאך ווענינ. זיי זיינען דאך אזוי יונג, אזוי אונ־ערפאהרען אין דער סאציאליסטישער וועלט־אנשויאונג. אין זייערע קעפ איז נאך אזא מיש־מאש, אז מיר וועלען בעסער אבווארטען מיט דער פראגע.

מיר האבען נאך א אידישע סאציאליסטישע פרעסע. דאך וועלען מיר אויך איהר ניט פרע־גען: דער „ארבייטער" וועט זיך געפינען בע־לײדיגט און ער וועט זיין גערעכט. דיא אנדערע וועלען זיך אודאי געפינען איז א פערלעגענהייט. און עס וואלט טאקי געווען א׳ן עולה צוצושטעהן מיט אזוינע „ניט אינטערעסאנטע" פראגען צו אונזערע קאלעגען.

אין ערשטען נומער פון דער אלטער „צו־קונפט איז גענוג געווען מודיע צו זיין: „מיר זיינען סאציאלדעמאקראטען, און שטעלען א פונקט און אבהאקען." אין ערשטען נומער פון דער נייער „צוקונפט" איז עס ניט געווען גענוג. דאן זיינען „דיא עקזיסטירענדע אומשטענדע" געווען אזוי טרויעריג, אז אפילו דיא ארויסגעבער פון דער „צוקונפט" האבען „ניט געקענט אנצײי־גען אויף א בעשטימטע ריכטונג וועלכע זיי רע־פרעזענטירען."

און איצט, ביי דעם 50טען נומער פון דער נייער „צוקונפט"? מיר האבען געזעהען, וויא דיא אומשטענדע האבען זיך געענדערט אין דער גאנצער וועלט. געענדערט האבען זיי זיך אויך ביי אונז. „ריכטונגען"... וועגען דעם, דאכט זיך, טראכט היינט קיינער מעהר ניט. און אט אין דעם ליעגט היינט דיא טרויעריגקייט פון דיא עקזיסטירענדע אומשטענדע. אנשטאט דעם דאמאלסדיגען גייסטיגען כאאס, האבען מיר איצט א גייסטיגע פערגליווערונג. דאמאלס האַ־בען כאטש דיא מיינונגספערשיעדענ־הייטען אנגענומען אזא נישטיגען העסליכען כאראקטער פון פאמיליען־צאנקערייען. היינט... פון דיא פאמיליענצאנקערייען זיינען אפילו פיעל פערשוואונדען. דיא „בייזע בלוט" קאכט מעהר ניט. אבער זיא קאכט ניט ווייל דיא האריץ קלאפט ניט, ווייל דער מארך ארבייט ניט. מיי־נונגספערשיעדענהייטען, ריכטונגען, וואס פאר א נאנסענס!

אין דער גאנצער וועלט, ווען מען איז היינט מודיע: „מיר זיינען סאציאלדעמאקראטען", קען מען שטעלען א פונקט און אבהאקען. מען ווייס שוין צו גוט וואס דאס בעדייט. און ביי אונז? ווען עס וואלט זיך געהאנדעלט וועגען ריכטונגען, דאן וואלטען ניט נור דיא ארויס־געבער, נור זאגאר דאס רוב פון דיא לעזער גע־קענט ענטפערן: „מיר זיינען סאציאלדעמאקרא־טען, און שטעלען א פונקט און אבהאקען," וואַ־

רום עס זיינען מעהר נישטא קיין „פערשיעדענע", קיין „אלע" סאציאליסטישע ריכטונגען. אבער צום גרעסטען אונגליק זיינען קיין ריכטונגען איבערהויפט שוין מעהר ניטא. עס איז ניטא קיין לעבען אין דער בעוועגונג, ניטא קיין בעגייסטערונג.

דאס אונגליק איז נאך גרעסער און טרויעריגער, ווען מען דערמאנט זיך אז היינט האבען מיר גאנצע מהנות סאציאלדעמאקראטען. דאס זיינען ניט נור דיא נייאריבערגעקומענע — וויא גענ. זאמעטקין מיינט — דאס זיינען אויך נייאויפגעוואקסענע, נייצוגעקומענע. אין דיא פארטייארגאניזאציאנען קענט איהר טרעפען יונגע אידישע סאציאליסטען, וואס זיינען אויסגעוואקסען אין אמעריקא. זיי זיינען פול מיט בעגייסטערונג פאר'ן סאציאליזמוס, פול מיט מוטה און ענערגיע צום פראלעטארישען קאמפף. און דאך ניט קוקענדיג אויף דאס אלץ, האבען מיר ניט קיין סאציאליסטישע בעוועגונג צווישען דיא אידען אין אמעריקא, יעדענפאלס ניט קיין ערנסטע, ניט קיין געזונטע, ניט קיין פרינציפענטרייע און פרינציפען פעסטע אידישע סאציאלדעמאקראטישע בעוועגונג.

אט אזוי מוזען מיר, ביי אונזער בעסטען ווילען, לאזען אפען דיא פראגע: צו קענען מיר היינט ווידער מודיע זיין: „מיר זיינען סאציאלדעמאקראטען, און שטעלען נאכהער א פונקט און אבהאקען"?...

עס וועלען זיך וואהרשיינליך געפינען וועכטער פון דעם גן־עדן, וועלכען מען רופט ביי אונז „פרייע פלאטפארם" און וועלען נעהמען קלאפען טרעוואגע: זעהט, דער רעדאקטאר פון דער „צוקונפט" רעדט אפען וועגען דעם, אז ער איז א סאציאלדעמאקראט, א מארקסיסט. זעהט, ער שטעלט זאגאר דיא פראגע: צו קען מען נאך דעם ווארט סאציאלדעמאקראט „שטעלען א פונקט און אבהאקען". היט אייערע „הייליגע" גיטער! היט דיא „פרייע פלאטפארם"!

בערוהיגט אייך פריינד און פיינד! צו האבען א בעשטימטע ריכטונג הייסט נאך ניט „איינשנורעווען דעם סאציאליסטישען געדאנקען אין א קארסעט". דאס הייסט ווייט ניט „פרעטענדירען צו האלטען אין זיינע הענד דעם מאנאפאל אויף דיא סאציאליסטישע וואהרהייטען". פערקעהרט, „א פרייער אויסטויש פון עהרליכע סאציאליסטישע מיינונגען קען פיהרען צום ענדליכען אויסגלייך, קען אריינברענגען אין גייסטיגער אויפקלערונג, בעוועגונג און לעבען" נור דאן, ווען דיא מיינונגען קומען פון ערנסטע איבערצייגונגען, נור דאן, ווען ס עקזיסטירען עבשטימטע ריכטונגען פון „א פרייען אויסטויש פון מיינונגען. עס קומט ארויס א קלארער גייסטיגער בילד נור דאן, ווען דיא מיינונגען אליין זיינען קלארע. דארט אבער, וואו עס עקזיסטירט קיין „בעשטימטע ריכטונג", קען דער אויסטויש פון מיינונגען, וויא „פריי" ער זאל ניט זיין, קיין אויפקלערונג, בעוועגונג אין לעבען ניט ברענגען". נאך מעהר, דוקא „קיין בעשטימטע ריכטונג" געהט זעהר אפט האנד אין האנד מיט „דעם אידעאל פון א פעלדפעבעל, וועלכער פארדערט ניט אנדערש, דאס אלע יונים זאלען האבען איין פנים, איין זינן, איין קעהר און דרעה"....

פאר יעדע ערנסטע סאציאליסטישע מיינונג בלייבט דיא „צוקונפט" אזוי אפען, וויא נוען עס איז פריהער. אלע סאציאליסטישע ריכטונגען וועלען קענען געפינען זייער אויסדרוק. מיר גארען צו הערען א'ן ערנסטען ווארט פון וואנען ער זאל ניט קומען. דיא קללה פון דער היגער אידישער סאציאליסטישער בעוועגונג בעשטעהט אבער איצט אין דעם, וואס עס איז גאר ניטא קיינע ריכטונגען. ניט קיין העלע, ניט קיין רויטע פארבען, נור ארום און ארום א האלב שוארער, א האלב געלער גאריזאנט... וועט נאך לאנג דויערן ביז דיא סאציאליסטישע זונן וועט אויך ביי אונז אויפגעהן?

דר. ק. פאַרנבערג.

פעלקערפערברידערונג

מיר האבען אפט גענוג געוויזען, אז דיא אלע זיסע חלומות און קלינגענדע פראזען וועגען אלגעמיינע פעלקער ־ פערברידערונג, וועגען „פעדעראטיווע אייראפּעאישע רעפּובליקען“ און וועגען וועלט־פריעדען“, וועלכע האבען זיך גענומען פערשפּרייטען גלייך נאך דער רעוואלוציאן אין פעברואר, און מערץ זיינען געווען א צודעק צו פערדעקען דיא פארלעגענהייט און אונטהעטיגקייט פון דיא פיהרער. מען האט ניט געזעהען אדער ניט געוואלט זעהען, וואס עס איז יא געווען צו טהאן פאר דער רעוואלוציאן, אז זיא זאל קענען זיין פעסט און זיכער; מען האט ניט געוואלט אדער ניט געקאנט אננעהמען אמת'ע רעוואלוציאנערע מיטלען. דיא אינטריגעס פון איינע און טעמפּקייט פון אנדערע האבען געבראכט דערצו, אז דאס פאלק האט בעקומען סענטימענטאלע פראזען אנשטאט רעוואלוציאנערע טהאטען.

דיא רעוואלוציאנערע פעלקער ווייסען וויא טהייער זיי האבען בעצאהלט פאר זייער גוטמוטיגקייט און גלויבען אין דיא שיינע ווערטער. אנשטאט דער רעוואלוציאן האבען מיר רעאקציאנערע פארלאמענטען, וועלכע האבען אונטערגעגראבען דיא רעוואלוציאן. אנשטאט צו ערפילען דיא פערשפּרעכונגען, וואס זיינען געגעבען געווארען אויף דיא באריקאדען, האבען מיר קאנטרא־רעוואלוציאנען אין נעאפּאל, אין וויען, אין פאריז, מילאן און קריעג אין אונגארן.

אנשטאט פארברידערונג פון דיא פעלקער — תחית המתים פון „הייליגען בונד“ צווישען דיא רעאקציאנערע בעוועגונגען, אונטער דעם שוץ פון רוסלאנד און ענגלאנד. און אט דיא־זעלבע מענער, וועלכע האבען אין אפּריל און מאי דורך פּזמונים און לויבגעזאנגען באגריסט דיא „נייע עפּאכע“, ווערען היינט רויט פון שאנדע פאר זייער קורצזיכטיגקייט, פאר וואס זיי האבען זיך געלאזען אזוי מיאוס אבנארען און פארפיהרען פון שוטים און לומפּען.

מען האט דורך ביטערע ערפאהרונג געלערנט, אז דיא אייראפּעאישע „פעלקער־פערברידערונג“ קען דורכגעפיהרט ווערען ניט דורך הויכע פראזען און גוטע פערלאנגען, נור דורך בלוטיגע קעמפּפע און גרינדליכע רעוואלוציאנען. מען האט אויך גענומען פערשטעהן, אז עס האנדעלט זיך ניט וועגען דעם צו פעראייניגען אלע פעלקער אונטער איין רעפּובליקאנישע פאהן, נור צו פעראייניגען אלע רעוואלוציאנערע פעלקער געגען דיא שונאים פון דער רעוואלוציאן און אז אזא בונד קען אבגעשלאסען ווערען ניט אויפ'ן פּאפּיער, נור אויפ'ן שלאכטפעלד.

אין מעריב־אייראפּא האבען דיא אלע הויכע פראזען פערלארען דעם גאנצען קרעדיט נאך דיא ביטערע ערפאהרונגען. אין מזרח־אייראפּא אבער זיינען נאך אליין דא כלומרשט דעמאקראטישע פראקציאנען, וועלכע הערען נאך עד היום ניט אויף צו גלויבען און צו פּריידיגען דיא פראזען וועגען דיא מעגליכקייט פון אן אלגעמיינע פעלקער־פערברידערונג. דאס זיינען — דיא דעמאקראטישע פּאנסלאוויסטען, וואס גלויבען אין דיא פעראייניגונג פון אלע סלאווישע שבטים.

---

*) אונזערע לעזער ווייסען, אז דער געניאלער פערפאסער פון „קאפּיטאל“ איז געווען איינער פון די גלענצענדסטע פּובליציסטען. אויף ווי ווייט אונז איז בעקאנט, איז נאך קיין איינציגער פון זיינע פּובליציסטישע פערלען ניט איבערזעצט געווארען אין אידיש. דער ארטיקעל „פעלקער־פערברידערונג“ איז געווען געדרוקט אלס עדיטאריעל אין דער „נייער רהיינישער צייטונג“, וועלכע ער האט רעדאקטירט אין רעוואלוציאנס יאהר 1848.

דער ארטיקעל איז געשריעבען געווארען אין פעברואר, 1849, נאך דעם, ווי די רעוואלוציאן איז שוין געווען בעזיעגט און די קאנטרא־רעוואלוציאן האט געפּראוועט איהרע פינסטערע רעאקציאנערע מחזקות. דער ארטיקעל פאסט זיך פאר היינטיגע אומשטענדען, ווען רעוואלוציאן און קאנטרא־רעוואלוציאן פיהרען ווידער א קאמפּף אויף לעבען און טויט. ער איז אויך אין אנאנדער הינזיכט אינטערעסאנט. אין מארקס' פּאלעמיק מיט באקונין ווערט אויסגעדריקט די כאראקטעריסטישע אונטערשיידונגען צווישען צוויי וועלט־אנשויאונגען.

דיא רעד.

פאר אונז ליגט א ביכעל אונטער דעם נאמען „אויפרוף צו דיא סלאווען“, פון א רוסישען פאטריאט, מיכאיל באקונין.

באקונין איז אונזערער א פריינד, אבער דאס וועט אונז ניט אבהאלטען דעם ביכעל צו קריטיקירען.

שוין גלייך אין אנפאנג פון דער בראשורע פיהלען זיך דיא זיסע חלומות פון מערץ און אפריל.

ער שרייבט: „גלייך דיא ערשטע לעבענס־סמנים פון דער רעוואלוציאן איז געוועזן א געשריי פון האס געגען אלע אלטע אונטערדריקונגען, א געשריי פון ליעבע און מיטגעפיהל פאר אלע אונטערדריקטע נאציאנען. דיא פעלקער האבען סוף כל סוף דערפיהלט דיא שאנדע, מיט וועלכע דיא דיפלאמאטיע האט בעדעקט דיא מענשהייט. זיי האבען דאך גענומען פערשטעהען, אז קיינמאל וועט דער גליק און רוהע פון דיא נאציאנען ניט זיין געזיכערט כל זמן עס וועט נאך וואו עס איז אין אייראפא א פאלק זיין אונטערדריקט.... ארונטער מיט דיא אונטערדריקער, האט א דונער געטהאן א מעכטיגער געשריי. רעטונג פאר דיא אונטערדריקטע, פאר דיא פאלען, איטאליענער און אלע אנדערע. קיינע מלחמות ניט צו פערכאפען פרעמדע לענדער. נור נאך איין לעצטער קריעג מוז געפיהרט ווערען וויטער ביז׳ן סוף — דער קאמפף פון דער רעוואלוציאן צו בעפרייען אלע פעלקער. ארונטער מיט דיא קינסטליכע גרענעצען, וועלכע דיא דעספאטישע רעגיערונגען האבען איינגעפיהרט צוליעב כלומרשטדיגע היסטארישע, געאגראפישע, סטראטעגישע, קאמערציעלע נויטווענדיגקייטען. קיין אנדערע גרענעצען טארען ניט עקזיסטירען צווישען דיא פעלקער, וויא דיא, וועלכע ווערען געצויגען דורך דיא נאטירליכע בעזונדערהייט פון דיא פעלקער אין איינשטימונג מיט דעם שטרענג־דעמאקראטישען ווילען פון דיא פעלקער אליין. דאס איז געוועזן דער רוף פון אלע פעלקער.“

שוין דא אין אנפאנג דערקענען מיר דיא אלע פאנטאזיען פון דער ערשטער צייט פון דער רעוואלוציאן. וועגען דיא שטערונגען, וועלכע מען קען טרעפען אין דער ווירקליכקייט ביי אזא אלגעמיינער בעפרייאונג — קיין איין ווארט. דיא פערשיעדענהייטען אין דער קולטורעלער ענטוויקלונג, וויא אויך אין פאליטישען לעבען פון דיא אלע פעלקער און זייערע בעדירפניסע — קימערען איהם ניט. דאס ווארט „פרייהייט“ איז פאר איהם אלץ. ווען עס קומט איהם שוין יא אויס צו ריידען וועגען דיא ווירקליכקייט, שילדערט ער איהר מיט פעראכטונג, וויא א זאך וואס איז געשאפען געווארען אויף דיא קאנגרעסען פון דעספאטען דורך דיא דיפלאמאטען. געגען דער ווירקליכקייט טרעט ארויס דער כלומרשט׳דיגער ווילען פון פאלק מיט זיינע שטרענגע בעפעהלע און פאדערונג: פרייהייט פאר אלעמען.

מיר האבען געזעהען וואו עס איז געוועזן שטארקער. געראדע דערפאר וואס דאס פאלק האט זיך אריינגעלאזען אין אזוינע חלומות און זיך אבגעריסען פון דער ווירקליכקייט, געראדע דערפאר האט מען איהם אזוי ביטער אבגענארט.

דורך איהר מאכט האט דיא רעוואלוציאן ערקלערט, אז דיא „דעספאטישע שטאאטען זיינען צופאלען. צופאלען איז פרייסען, עסטרייך, טירקיי, און ענדליך אויך רוסלאנד און דער פון דיא אייראפעאישע רעפובליקען זאל פערווירקליכט ווערען.

אין דער אמת׳ען, אונז דא אין מעריב־אייראפא קומט קאמיש פאר צו זעהען וויא נאך דעם וויא דיא אלע שיינע פלענער האבען אזא ביטערן סוף געהאט, זאל מען זיי אויף דאס ניי איבערחזר׳ן און זיי פרעדיגען מיט גדלות וויא עפעס א גרויסע זאך. דער אונגליק איז דוקא בעשטאנען אין דעם, וואס מען האט דאס אלץ ערקלערט פאר צופאלען און אפילו א פינגער ניט צוגעלייגט דיעזע „בעפעהלע“ דורכצופיהרען.

„גערעכטיגקייט“, „מענשליכקייט“, „פרייהייט“, „גלייכהייט“, „ברידערליכקייט“, „אונאבהענגיגקייט“ — מעהר האבען מיר ביז איצט אין דער בראשורע ניט געפונען. אלע דיא ווערטער קלינגען אפילו זעהר שעהן, אבער אין היסטאריש־פאליטישען זין זיינען זיי גאר ניט די „מענשליכקייט“, די „גערעכטיגקייט“, די „פרייהייט“ מעגען טויזענד מאל דאס אדער יענעס פערלאנגען. אויב די זאך איז אונמעגליך, וועט עס ניט געשעהן און עס בלייבט א פוסטער חלום. דיא פאנסלאוויסטען האבען גוט געקאנט זעהען פון דער ראלע, וואס דיא סלאווישע מאסען האבען געשפיעלט נאך זייער קאנגרעס אז געגען דער אייזערנער ווירקליכקייט קען מען מיט א גוטען וואונש און מיט א זיסען חלום גאר ניט אויפטהאן. און דאך קומען זיי היינט אין 1849 מיט דיזעלבע פראזען, צוליעב וועלכע אייראפא האט

אין דער בלוטיגער קאנטרא־רעוואלוציאן אזוי ביטער זיך אבגענארט.

נור איין ווארט נאך איבער דיא „אלגעמיינע פעלקער־פערברידערונג" און איבער „דיא גרענצען, וועלכע דער אלגעמיינער פאלקסווילען האט בעשטימט אויף גרונד פון נאציאנאלע בעזאנדערהייטען."

דיא פעראייניגטע שטאאטען און מאיקא זיינען צוויי רעפובליקען און אין ביידען הערשט דאס פאלק.

וויא אזוי קומט עס, אז צווישען דיא צוויי רעפובליקען, וועלכע נאך דער מאראלישער טהעאריע דארפען זיין פערברידערט און פעראייניגט, איז צוליעב טענאס אויסגעבראכען א קריעג, און אז דער „הערשענדער ווילען" פון אמעריקאנער פאלק, זיך שטיצענדיג אויף דיא העלדישקייט פון אמעריקאנער פריייוויליגע, האט צוליעב געוויסע „געאגראפישע, היסטארישע נויטווענדיגקייט, זיי פערשטופט אויף עטליכע הונדערט מייל ווייטער קיין דרום דיא גרענעץ, וועלכע דיא נאטור אליין האט געצויגען"? און צו וועט באקונין אנרופען דעם קריעג פון די אמעריקאנער אן עראבערונגס־קריעג, ווייל ער גיט א גוטען קלאפ זיין טהעאריע פון גערעכטיגקייט און מענשליכקייט, כאטש דיא אינטערעסען פון דער ציוויליזאציאן האבען עס געפאדערט? אדער טאמער איז גאר אן אונגליק, וואס מען האט אוועקגענומען דיא שעהנע קאליפארניע ביי דיא פוילע מאקאנער, וועלכע האבען ניט געוואוסט וואס צו טאן מיט איהר? פיעלייכט איז אן אונגליק, וואס דיא ענערגישע יענקים פערמעהרען דורך דיא בעארבייטונג פון דיא גאלד־מינען דיא געלד פון דער וועלט און דאס זיי וועלען אין פערלויף פון אייניגע יאהר קאנצענטרירען א שטארקען האנדעל אויף דיא ברעגען פון שטילען אצעאן וואס זיי וועלען גרויסע שטעדט אויפבויען, דורך שיפען און אייזענבעהנען פערבינדען ניו יארק מיט סאן־פראנציסקא, קורץ, וואס זיי וועלען ערעפנען פאר דער ציוויליזאציאן דעם פאסיפיק־אצעאן און דערמיט צום דריטען מאל אין דער געשיכטע געבען א נייען גאנג דעם וועלט־האנדעל? דיא „אונאבהענגיגקייט" פון אייניגע שפאנישע קאליפארניער און טעריאנער מעגען דערפון ליידען. עס קען אויך זיין, אז דיא גערעכטיגקייט און אנדערע מאראלישע פרינציפען האבען דערפון געליטען. אבער וואס פאר א בעדייטונג האט דאס געגען אזוינע וויכטיגע פאקטען פון דער וועלט־געשיכטע?

איבערזעצט פון מ. ק.

קאנסטיטוציאנעלע געזעצע

(וויא אזוי זיי ווערען געשאפען און אבגעשאפט)

פון מ. סמיטה

ענגלאנד, וועלכע ווערט גערעכענט פאר דאס לאנד, וואו ס'איז געבארען געווארען און ס'האט זיך אויסגעהאדעוועט דער בעגריף פון קאנסטיטוציאן, האט אייגענטליך ניט קיין געשריבענע קאנסטיטוציאן. פארמאל איז דארטען ניט קיין אונטערשיעד צווישען דיא געוועהנליכע געזעצען, ד. ה. אזוינע, וואס בעריהרען די בעציהונגען פון די בירגער איינע צו די אנדערע, און די קאנסטיטוציאנעלע געזעצען, וועלכע בעריהרען שוין דאס לעבען פון לאנד אין גאנצען גענומען און בעשטימען די בעציהונגען פון די בירגער צו דער מלוכה. דיעזע ביידע זארטען געזעצען קענען אבגעשאפט ווערען, ווען דער פארלאמענט וויל נאר; דיעזע ביידע זארטען געזעצען זיינען ניט צונויפגעקליעבען און ניט פערשריעבען געווארען אין איין בוך, נור זיי זיינען צוזייט און צושפרייט אין פערשיעדענע פאפיערען, כתבים, טשארטערס, בעפעהלען, ענטשיידונגען פון געריכטען א. ד. גל. אויף אזא אופן קומט אויס, ווען מען וויל זיך גענוי בעקענען מיט דער ענגלישער קאנסטיטוציאן, מוז מען דאן איבערלייענען הונדערטער ביכער, כתבים און פאפיערען.

די ענגלענדער, וועלכע האבען עמיגרירט פון זייער אלטען פאטערלאנד און האבען בע־

שאפען א נייע לאַנד אויף דעם אנדער זייט פון אטלאנטישען אקעאַן — די פעראייניגטע שטאאטען פון נאָרד אמעריקא, האבען אויסגאַרבייט אַזא קאָנסטיטוציאָן, וועלכע מען קען אין גאנצען איבערלייענען אין וואסערע עס איז 23 מינוט. דיעזעביידע קאָנסטיטוציאָנען (א חוץ איינצעלנע פונקטען, וועלכע זיינען אין דיעזע ביידע לענדער פערשיעדען אויסגעטייטשט געוואָרען) פערנעהמען זיך בכלל מיט איינע און די זעלבע געזעצע, נעמליך: מיט אַזוינע געזעצע, וועלכע רעגולירען די פּאָליטישע רעכטע פון די בירגער אין זייערע בעציהונגען צו דער רעגיערונגס־מאַכט און אַזוינע — וועלכע בעשטימען גענוי דעם כאראקטער און די רעכטע פון די פערשיעדענע אָרגאַנען פון דער רעגיערונגס־מאַכט.

אין די קאָנסטיטוציאָנעלע לענדער, — סיי זיי האָבען יא א געשריעבענעם דאקומענט, סיי זיי האָבען ניט, — רעכענט זיך טעארעטיש דאָס פּאָלק גופא פאַר׳ן הויפּט בעל־דעה און רעגיערער פון לאַנד. אין נאָמען פון פּאָלק אַרבייטען אויס די פּאַרשטעהער פון פּאָלק די קאָנסטיטוציאָן; די וואס פיהרען די מלוכה מוזען פאָלגען דעם הויפּט בעל הבית פון לאַנד — דעם געזעץ, וואָס דאָס פּאָלק דורך זיינע פאַרשטעהער, האָט ארויסגעגעבען; די געזעצגעבער בעארבייטען געזעצע, ענדערן זיי, מאַכען צו זיי הוספות, אבער אַלע מאָל מוזען זיי האָבען פאַר די אויגען די פּרינציפּען, וואָס עס זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרען אין דער קאָנסטיטוציאָן. אויף די פּרינציפּען טאָר מען ניט עובר זיין. אַזאַ זאָרט רעגיערונגס־אָרדנונג ווערט געוועהנליך בעטראַכט אַלס געזעצליכע, דאָס איז דער היפּך פון דעם, וואָס מען רופט אַן ווילקיר, ד. ה., פון אַזאַ סאָרט רעגיערונגס־אָרדנונג, וואו די געזעצע הענגען ניט אָב פון דעם ווילען פון פּאָלק, נאָר פון א׳ן אויבער־מאַכט, וועלכע געפינט זיך אויסער׳ן פּאָלק און רעכענט זיך לגמרי ניט מיט זיין ווילען.

זאָלען מיר זעהען, אויף וואס פאַר א׳ן אופן דער פּרינציפּ פון פּאָלקס אויבערמאַכט ווערט אויסגעדריקט אין פערשיעדענע קאָנסטיטוציאָנען:

„די אויבערמאַכט איז איין־איינציג, פעסטגעשטעלט, קען ניט צושפּאַלטען ווערען, קען ניט אוועקגענומען ווערען; זי געהערט דער נאַציאָן; קיין שום גרופּע אָדער איינצעלנע פערזאָן קען איהר ניט פערכאַפּען צו זיך.“

אַזוי האָבען אנגעשריעבען די מיטגליעדער פון דער פראַנצויזישער קאָנסטיטואירענדער פערזאַמלונג אין יאהר 1791.

די וועלכע האָבען בעשאַפען די אמעריקאַנישע קאָנסטיטוציאָן, האָבען אנגעשריעבען פאָלגענדע הקדמה צו איהר:

„מיר, דאָס פּאָלק פון די פעראייניגטע שטאאטען, בכדי צו בילדען א בעסערען פעראַנד, איינצופיהרען גערעכטיגקייט, צו פערזיכערען דעם אינעוועניגסטען שלום אין לאַנד, צו אָרגאַניזירען א געמיינשאַפטליכען שוץ, צו ענטוויקלען דעם פּאָלקס וואָהלשטאַנד און צו בעפעסטיגען דאָס גליק און פרייהייט פאַר אונז און פאַר אונזערע קינדער — ערקלערען און גיבען ארויס דיעזע קאָנסטיטוציאָן פאַר די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.“

אין יאהר 1831 האָבען די מיטגליעדער פון דער בעלגישער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג אנגעשריעבען גאַנץ קורץ:

„דאָס פּאָלק שאַפט די אַלע פאָרמען פון דער מאַכט.“

דיעזע אַלע ביישפּיעלע, זיינען גענוג צו בעווייזען, אַז וואָס עס בעשטעהט דער גרונד־פּרינציפּ פון דער רעגיערונגס־מאַכט אין די היינטיגע קאָנסטיטוציאָנעלע לענדער. דיעזער פּרינציפּ איז: די הערשאַפט פון פּאָלק.

דיעזער פּרינציפּ בלייבט אפילו אָפט און איבעראַל: אי אין פערשיעדענע לענדער פון אייראָפּאַ, אין אין אמעריקא, בלויז א פּרינציפּ, וואס איז געשריבען אויף׳ן פּאַפּיר און ווערט ניט דורכגעפיהרט אין לעבען. דערוויילע איז אבער דאָ פאַר אונז וויכטיג צו ערקלערען דעם הויפּט־פּרינציפּ וואס איז ארויסגעשטעלט געוואָרען אין די פערשיעדענע געשריעבענע קאָנסטיטוציאָנען, אָדער וואָס ווערט מינדליך איבערגע׳חזר׳ט אין די קאָנסטיטוציאָנעלע לענדער, וועלכע האָבען ניט קיין געשריעבענע קאָנסטיטוציאָנען.

פעסטשטעלענדיג אויף אַזאַ אופן, צו וועמען עס געהערט די איבערמאַכט בכלל, בעשטימען ווייטער די קאָנסטיטוציאָנען, וועלכע אינסטיטוציאָנען דאָס פּאָלק טרויט אַן דיזע מאַכט, ווי ווערט דיעזע מאַכט צוטהיילט צווישען די פערשיעדענע אינסטיטוציאָנען, און אויף ווי ווייט עס געהט די מאַכט פון יעדער אינסטיטוציאָן בעזונדער. מיר וועלען דאָ ניט אויסרעכענען אַלע אינסטיטוציאָנען און אויך ניט פאַרנאַנדערגליעדערן זיי אויף שטיקלאַך, נאָר מיר וועלען דאָ בלויז אָנווייזען אויף די דריי הויפּט־טיילען, אין

וועלכע עס ווערט אייגעטיילט די רעגירונגס־מאכט אין די היינטיגע קאנסטיטוציאנעלע לענדער : די געזעצגעבענדע (לעגיסלאטיווע), די דורכפיהרענדע (אדמיניסטראטיווע) און די געריכטליכע. די געזעצגעבענדע מאכט קוקט איבער אלע געזעצע פון לאנד, בעארבייט זיי און מאכט צו זיי הוספות, אריינרעכנענדיג אין דעם אויך די בעשטימונג פון די יעהרליכע הכנסות און הוצאות פון דער מלוכה („נאציאנאלער ביודזשעט"). די אדמיניסטראציאן פיהרט דורך דיעזע געזעצע, אדער, אנדערש געזאגט, זי פיהרט די אלע ענינים פון לאנד בכלל אויף דעם גרונד פון די עקזיסטירענדע געזעצע. די ריכטער (דזשאדזשעס) טייטשען אויס די געזעצע, ווען מען דארף זיי אנווענדען ביי פערשיעדענע אנגעלעגענהייטען פון לעבען.

די בעציהונגען פון די רעגירונגס־ארגאנען איינע צו די אנדערע זיינען ניט אין אלע לענדער גלייך. יעדע קאנסטיטוציאן בעשטימט דורך א רייהע געזעצען וואס פאר א'ן ארבייט יעדער רעגירונגס־ארגאן האט צו טאן, פון וועמען און פון וויפיעל ער זאל בעשטעהן און וואס פאר א'ן אחריות ער האט אויף זיך. יעדע קאנסטיטוציאן בעשטימט די רעכטע פון די בירגער און זייערע בעציהונגען צו די, וועלכע האבען די מאכט אין זייערע הענד. ווייטער ווערען דארט אנגעגעבען מיטלען, ווי די רעגירונגס־פארשטעהער זאלען ניט עובר זיין די געזעצע, זאלען ניט טרעטען מיט די פיס די רעכטע פון די בירגער און זאלען ניט אויסניצען זייער מאכט צו שאדען וועמען־עס־איז. א וויכטיגען פלאץ אין דער קאנסטיטוציאן פון לאנד פערנעהמען אויך די געזעצע וועגען די לאקאלע זעלבסטפערוואלטונג פון די שטעדט, שטאאטען, א. ד. גל., זייערע רעכטע און פפליכטען.

דאס זיינען, פון אויבען־אויף גענומען, די וויכטיגסטע געזעצע, וועלכע זיינען פערשריעבען אין די קאנסטיטוציאנען פון פערשיעדענע פעלקער. פערשריעבען ווערען זיי אויף פערשיעדענע אופנים. מען נעהמט למשל א געוויסען עיקר, אדער רעכט, מען ערקלערט איהם אלס לייטענדע אידעע פאר דער רעגירונג, און מען לאזט שוין נאכהער איהר צו ענטוויקלען דיעזען עיקר אין א רייהע געזעצגעבענדע אקטען און אדמיניסטראטיווע בעפעהלען. ווייטער קען מען אין דער קאנסטיטוציאן גופא אויסארבייטען בפרטות, גרינדליך, און פון אלע זייטען, דאס געזעץ, וואס איז דארט פערשריעבען געווארען, נאר, יעדענפאלס, ווי קלוג עס זאלען ניט זיין די מענשען, וועלכע ארבייטען אויס די קאנסטיטוציאנען, קענען זיי דאך ניט פאראויסזעהען די אלע איינצעלנע פעלע, אין וועלכע עס קען אויסקומען אנצואווענדען דעם, אדער יענעם געזעץ, און ניט וועלענדיג מוזען זיי לאזען די געזעצע פאר די קומענדע געזעצגעבער, אדמיניסטראטארען און ריכטער פון לאנד אויסצוטייטשען.

אבער בכדי די קאנסטיטוציאן זאל אבגעהיט ווערען און זי זאל ניט בלייבען בלויז א שטיקעל פאפיער, מוזען זיי די בירגער גוט פערשטעהן. דאס בעוואוסטזיין פון די בירגער איז דער עיקר, אז ווען אפילו אזא לאנד האט ניט קיין אנגעשריעבענע פאפיערעל, נאר די קאנסטיטוציאן איז אויסגעלעגט אין די קעפ פון די בירגער, קען עס זיך דאן פאלשטענדיג אנרופען קאנסטיטוציאנעלע לאנד. פערקעהרט, ווען דאס בעוואוסטזיין פעהלט די בירגער און די קאנסטיטוציאן האט זיך ביי זיי אין די קעפ ניט איינגעלעבט, וועלען אפילו דאן די שעהנסטע קלינגענדע פראזען, — מעגען זיי כאטש זיין פערשריעבען אויף פארמעט אדער אויסגעהאקט אויף שטיין, — ניט קענען בעשיצען די בירגער געגען דעם ווילקיר און די גוואלדטהאטען פון די רעגירונגס־פארשטעהער.

אט לאמיר נעהמען, למשל, דאס רעכט פריי אויסצושפרעכען די געדאנקען מינדליך און שריפטליך, ווי דאס ווערט אויסגעדריקט אין די קאנסטיטוציאנען.

אין דער יום־טוב'דיגער „דעקלאראציאן פון די מענשליכע רעכטע", וואס עס האבען ארויסגעגעבען די מיטגליעדער פון דער פראנצויזישער קאנסטיטואירענדער פערזאמלונג אין יאהר 1791, לעזען מיר וועגען דעם פאלגענדעס :

„פריי אויסצושפרעכען די געדאנקען און די מיינונגען איז איינע פון די טייערסטע רעכטע פון דעם מענשען ; פאלגליך, קען יעדער בירגער פריי רעדען, שרייבען און דרוקען ; פעראנטווארטליך איז ער נאר דאן, ווען ער נוצט אויס דיעזע פרייהייט צו שאדען וועמען־עס־איז."

און ווייטער לעזען מיר אין דעם טעקסט פון דער זעלבער קאנסטיטוציאן פון יאהר 1791 :

„די קאנסטיטוציאן גאראנטירט, אלס א נאטירליכעס רעכט פון יעדען בירגער, די פרייהייט פון יעדען מענשען צו לעזען, שרייבען, דרוקען און ארויסגעבען זייערע געדאנקען ; מאנוסקריפטען (כתבי־יד) ווערען ניט איבערגעקוקט

פון קיין שום צענזור אדער פון וועלכען ס'איז אויפזעהער, איידער זיי ווערען ארויסגעגעבען."

פון דעסטוועגען אלע יום-טוב'דיגע און הויכ־קלינגענדע (טהיילווייז דאך ניט קלארע) ווער־טער פון דעם געזעץ וועגען פרעס און רעדע־פרייהייט, ווי דאס ווערט אויסגעדריקט אין די ביידע נסחאות, האבען ניט גאראנטעוועט פראנק־רייך פון דעם, אז עס זאל דארטען ניט איינגע־פיהרט ווערן א שטרענגע צענזור, כאטש דאס גע־זעץ גופא וועגען דעם קען זעהר לייכט אויסגע־טייטשט ווערען, און דאס איז טאקי דארטען פארגעקומען. גאנצע הונדערט יאהר נאכדעם ווי די קאנסטיטוציאן איז דארט ארויסגעגעבען גע־ווארען, זיינען דארטען געמאכט געווארען אלער־ליי גזרות געגען דער פרעס-פרייהייט און די גאנצע צייט האט מען געמוזט קעמפפען געגען דעם, ביז מען האט דארטען ענדליך אויסגעפונען א'ן אנדער זארט ערבות אויף צו פערזיכערען די פרעס-פרייהייט: די בירגער האבען אנגעהויבען צו פערשטעהן און פערטהיידיגען זייערע רעכטע.

די גרינדער פון דער בעלגישער קאנסטיטו־ציאן אין יאהר 1831 האבען שוין געשריעבען וועגען דיעזען פונקט איינפאכער, דערפאר אבער א סך דייטליכער:

„די פרעסע איז פריי; צענזור טאר ניט איינגעפיהרט ווערען אונטער קיינע אומשטענ־דען; מען טאר ניט פארדערן קיינע משכנות אדער וועלכע ס'איז ערבות פון שרייבער, ארויס־געבער און בעלי-בתים פון דרוקערייען."

„ווען די פערזאן פון דעם מחבר איז בע־קאנט און ער וואהנט אין בעלגיען גופא, דאן איז דער בעל-הבית פון דער דרוקעריי, ארויס־געבער אדער בוכהענדלער ניט פעראנטווארטליך פאר דאס ווערק."

אין בעלגיען איז מען פעראנטווארטליך ווען מען בעליידיגט איינעם, מען טראכט אויס א בלבול, מען העצט אויף איינעם געגען דעם אנ־דערען, א. ד. גל. אין אזוינע פעלע ווערט די פעראנטווארטליכע פערזאן בעשטראפט מ'יט די עקזיסטירענדע געזעצען. דיעזע געזעצען זיינען אין די הענד פון פארלאמענט און די אדמיני־סטראציאן פיהרט זיי דורך. אבער אין בעלגיען, לכל הפחות, איז אי דער פארלאמענט אי די אד־מיניסטראציאן צו שוואך, אום ווער פון זיי ביי־דען זאל קענען איינפיהרען צענזור. זיי זיינען ביידע געצוואונגען צו פאלגען דעם געזעץ.

מיט וואס זיינען אבער די קאנסטיטוציא־נעלע געזעצע מעהר זיכער, פון די געוועהנלי־כע געזעצען, אום זיי זאלען אבגעהיט ווערען? די זיכערהייט, די ערבות ליעגען אין דעם וויא אזוי דיא בעפעלקערונג פערהאלט זיך צו די געזעצען; דאס ווענדעט זיך אן די ראלע, וואס די געזעצען שפיעלען אין לעבען פון לאנד פאק־טיש. על פי דין (יורידיש) אבער, זיינען די קאנסטיטוציאנעלע געזעצען זיכערער דערמיט, וואס זיי ווערען געשאפען און איינגעפיהרט דורך א ספעציעלע קאנסטיטואירענדע פערזאמלונג, וועלכע ווערט צו דעם צוועק צונויפגערופען, און זיי קענען אומגעענדערט ווערען, צי אין גאנצען אבגעשאפט ווערען אדער מען קען מאכען צו זיי הוספות נאר דאן, ווען מען היט אב די נוי־טיגע דערצו בעשטימטע כללים, ווען ס'איז פאראן די נויטיגע מאיאריטעט, וואס פארדערט דאס.

למשל, אין פראנקרייך, האט די פארדערונג צו ענדערן א וועלכען ס'איז פונקט פון דער קאנ־סטיטוציאן א ממשות נור דאן, ווען די ביידע געזעצגעבענדע קערפערשאפטען (דער פארלא־מענט און דער סענאט) נעהמען אן דעם זעלבען בעשלוס מיט א מאיאריטעט פון אלע מיטגליע־דער און ניט בלויז פון די אלע וועלכע זיינען נאר אין יענעם טאג אנוועזענד געוועזען אויף דער זיצונג. זיי קענען דאס טהאן, ווען זיי אליין געהט דאס ארויף אויפ'ן זינען, אדער ווען דער פרעזידענט פון דער רעפובליק שלאגט זיי דאס פאר. דאן בילדען זיי די „נאציאנאלע פערזאמ־לונג" און זי ערשט ענדערט אום דעם אדער יענעם פונקט פון דער קאנסטיטוציאן. נאר אויך דאן מוז עס דורכגעפיהרט ווערען פון א מאיא־ריטעט פון אלע מיטגליעדער.

אין בעלגיען, נאכדעם ווי עס ווערט ער־קלערט די נויטווענדיגקייט צו איבערזעהען די קאנסטיטוציאן, ווערען פארנאנדערגעלאזען ביי־דע פארלאמענטען און נייע וואהלען ווערען פאר־גענומען. די אויסגעוועהלטע דעפוטאטען קו־מען זיך צונויף, אבער שוין ניט אין פארלאמענט נאר אין א קאנסטיטואירענדע פערזאמלונג, און דאן זעהען זיי איבער די קאנסטיטוציאן און ענדערן דארטען וואס מען דארף. אין דיזע נייע וואהלען דריקט אויס דאס פאלק זיין מיינונג וועגען דער ענדערונג, וואס דארף פארקומען.

אין קיין לאנד ווערט ניט אויפגעהויבען די פראגע וועגען איבערזעהען די קאנסטיטוציאן ווען אין דעם זיינען ניט פעראינטערעסירט די ברייטע קרייזען פון פאלק. אין ענגלאנד אפילו,

וואו עס איז ניטא — ווי מיר האבען שוין פריהער דערמאנט — פון דער אויסערליכער זייט קיין אונטערשיעד צווישען די קאנסטיטוציאנעלע געזעצען און די געוועהנליכע, און כאטש וואס פאר א געזעץ זאל ניט זיין, צי וועגען גט'ען זיך אדער וועגען די פרייהייט צו פערזאמלען זיך,, קען דורכגעפיהרט אדער אבגעשאפט ווערען בלויז דורך א בעשלוס פון פארלאמענט. דאך קען מען ניט זאגען, אז דער אדער יענער פונקט פון דער קאנסטיטוציאן הענגט אין גאנצען אב פון פארלאמענט. אין דער אמת'ען ווענדט זיך זיין דורכפיהרען אדער אבשאפען אז דעם צושטאנד פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען, אז די צייטיג געווארענע נייע בעדערפנישע פון פאלק. בכלל, קען מען זאגען, אז די מעשים וואס עס טהוען זיך אין פארלאמענט זיינען טיילוויין א'ן אבקלאנג פון דעם וואס עס טהוט זיך אויף דער גאס, און ווען דאס פאלק פערשטעהט ריכטיג זיינע אינטערעסען, קען ער דאן געבען דעם טאן אין פארלאמענט, אז די דעפוטאטען זאלען זיך אין אמת'ען רעכענען מיט זיין ווילען.

קאנסטיטוציאנעלע געזעצען · ווערען געענדערט ניט נאר דורך דעם, וואס מען קוקט זיי איבער פון דאס ניי. יעדע קאנסטיטוציאן ענדערט זיך אויך ביסלעכווייז, בהדרגה אויף דעם וועג פון ענטוויקלונג. די געזעצען ווערען אויסגעטייטשט און ערקלערט אויף פערשיעדענע אופנים און אויף דעם דרך ווערען זיי סוף כל סוף כמעט אין גאנצען אומגעענדערט. אין ענגלאנד און אין אמעריקא טייטשען אויס און ערקלערען די געזעצען די ריכטער (דזשאדזשעס). אין אנדערע לענדער פאלט דיעזע ארבייט אפט אריין אין די הענד פון דער רעגיערונג. אט, למשל, אין דער בעלגישער קאנסטיטוציאן פון יאהר 1831, איז אנגעשריעבען, אז די בירגער האבען דאס רעכט צו ארגאניזירען זיך אין פעראיינען, אבער ס'איז ניט גענוג דייטליך ארויסגעזאגט געווארען, אין וואס פאר א פעראיינען, טייטשט דערוויל אויס די רעגיערונג פאלש דיעזען געזעץ און שטערט די פרייהייט פון די בירגער.

דער פונקט פון דער קאנסטיטוציאן לויטעט:

„די בירגער האבען דאס רעכט צו בילדען פעראיינען. דיעזעס רעכט טאר ניט בעשרענקט ווערען דורך קיינע רעגלעמענטאציאנען,“ ד. ה., אום צו בילדען א פעראיין דארף מען לכתחלה ניט נעהמען קיין שום ערלויבנים.

און אז די ארבייטער פון גענט האבען געוואלט בילדען פעראיינען פון שפינער, וועבער און מעטאל־ארבייטער און זיי האבען שוין געהאט א'ן אייגענע קאסע מיט א סטרייק־פאנד, האט מען ביי דעם ערשטען סטרייק שוין אבגענומען דיזען פאנד. די סבה דערפון איז געווען, וואס די מאכטהאבער האבען אויסגעטייטשט פאלש דאס געזעץ. זיי האבען געזאגט, אז דאס רעכט צו פעראייניגען זיך הייסט נאך ניט, אז מען מעג שוין אויך האבען געמיינשאפטליכעס אייגענטום. פאר דעם דארף מען האבען א בעזונדערע ערלויבנים.

און פערקערט, עס עקזיסטירען אין לענדער אזוינע געזעצען, וועלכע זיינען אין דער קאנסטיטוציאן ניט פערשיעבען געווארען, נאר דאס לעבען אליין האט זיי אויסגעארבייט און זיי ווערען שטרענג, אבגעהיט. למשל דא, אין די פעראייניגטע שטאאטען קען דער פרעזידענט פון דער רעפובליק ניט אויסגעקליעבען ווערען א דריטען מאל, ווען זיין טערמין האט זיך שוין געענדיגט. אין דער קאנסטיטוציאן איז וועגען דעם קיין איין ווארט ניטא און אין גאנצען איז דאס פון אנהויב אן געווען מעהר ניט ווי א מנהג דאך ווערט ער אבגעהיט נאך שטארקער פאר א דין, וועלכער איז פערשריעבען שווארץ אויף וויים.

אין פראנקרייך איז אין דער קאנסטיטוציאן אויסגערעכענט א סך רעכטע און פריווילעגיעס, וואס דער פרעזידענט האט, פון דעסטוועגען האט ער, דער פרעזידענט, צו איצטיגער צייט שוין, ווייניג וואס מאכט און ער איז איצט אין גאנצען אבהענגיג פון דעם פארלאמענט. און דאס האט אלץ דאס לעבען בעשרענקט זיין מאכט.

אין ענגלאנד זיינען די מיניסטארען פעראנטווארטליך צו די פאלקס־פערטרעטער, צו די דעפוטאטען, כאטש דיעזער פונקט איז ערגיץ אויפ'ן פאפיער ניט פערשריעבען, און דארטען זיינען פאראן נאך א פולע אזוינע געזעצען.

מיר זעהען פון אלעם דעם, וואס מיר האבען דא געזאגט, אז די דורכפיהרונג פון קאנסטיטוציאנעלע געזעצען אין לעבען הענגט אב פון דעם בעוואוסטזיין פון די בירגער. זיי, די בירגער, טארען זיך ניט בענוגענען בלויז דערמיט, וואס עס זיינען פערשריעבען קאנסטיטוציאנעלע געזעצען ערגיץ אין א בוך, נאר זיי דארפען זעהען, אז דיזע געזעצען זאל ניט בלייבען קיין טוידטע ווערטער, און שטענדיג מוזען זיי שטעהען אויף דער וואך צו פערטהיידיגען זייערע אינטערעסען. איבערזעצט פון ל. עלבע.

די צוקונפט פון אידישען טהעאַטער

מעז דארף ניט זיין קיין נביא, אום צו קענען פאראויס־זעהען וואס פאר א מענש עס וועט זיך איז דער צוקונפט ענטוויקלען פון א קינד. מען דארף נאר גוט קענען דעם כאראקטער, אייגענשאפטען און פעהיגקייטען פון קינד, מען דארף וויסען, וויא דאס קינד ווערט ערצויגען און געלערנט, אין א וועלכער ספערע, מאטעריע־לע און גייסטיגע, לעבט ער; וועלכע אומשטענ־דען רינגלען איהם ארום און וועלכע נאטירליכע שאנסען ער קאן האבען צו וואקסען אינטעללעק־טועל און פיזיש. געוויס, עס קענען זיך טרע־פען אין דער צוקונפט אונפארגעזעהענע צופעלע. מיר רעדען אבער דא ניט פון אונערווארטעטע זאכען, נאר פון דעם וואס עס מוז נאטירליכער־ווייזע קומען.

דאס יודישע טעאטער איז נאך א קינד... איך האב אבער געהאט דאס גליק, אדער דאס אונגליק, דעם קינד זעהר נאהענט צו בעאבאכטען און, איך מיין, איך קען מיט א געוויסהייט זא־גען, וואס איהם ערווארטעט אין דער צוקונפט. וועט ער אויסוואקסען? דיא אללע געפעהרליכע קינדער חולאת'ן האט ער שוין איבערגעלעבט. ציינדלאך האבען זיך שוין ביי איהם לאנג אויס־געשניטען, ער האט געמאזעלט, געהאט פאקען און, וויא קליין ער איז, האט ער שוין אן אפע־טיט פון א גרויסען... אבער דיא ספערע, אין וועלכער ער געפינט זיך, איז שעדליך און פער־דערבליך. דיא אומשטענדע, אין וועלכע ער וואקסט, זיינען אונגינסטיג...

מיט דעם ווארט „טעאטער" בעצייכענען מיר ביידע זייטען פון דער טעאטראלער קונסט: דיא דראמע און דיא ביהנע. וויא דער דייטש וואלט געזאגט: דעם אינהאלט'ס עסטעטישען עלעמענט און דעם טעכניש־עסטעטישען עלע־מענט. דיזע קונסט איז ניי און יונג ביי דיא יודען, ווייל דער יודישער נאציאנאלער און היסטארישער לעבען האט אזא קונסט ניט גע־קענט פראדוצירען. דיא סעמיטישע פעלקער האבען איבערהויפט קיין דראמע ניט געשאפען. דראמע און ראמאן פאנגען זיך אן אין דער רע־ליגיאן. נור דיא פעלקער ביי וועלכע דיא גאט־הייט איז געווען אין דער נאטור און ניט דיא נאטור אין דער גאטהייט; וואו דיא האנדלונגען פון דיא געטער זיינען געווען מענשליך און וואו מען האט ניט געפארדערט, אז, פערקעהרט, דיא האנדלונגען פון א מענשען זאלען זיין געטליך, נאר ביי דיא פעלקער, ביי וועלכע דיא רע־ליגיאן האט ניט אונטערדריקט דיא פערזענליכ־קייט, דעם פרייען ווילען און לעבענסלוסט פון'ם מענשען, האט געקענט געשאפען ווערען א דראמאטישע ליטעראטור. דיא ערשטע ראמאנען און דיא ערשטע דראמען, וואס דיא גריעכען האָ־בען געשאפען, זיינען גענומען געווארען פון'ם לעבען פון דיא געטער. דיא האנדלונגען פון זייערע בני אלהים זיינען געווען ראמאניזירט און דראמאטיזירט. דער שטרענגער יודישער אל שדי האט ניט געהאט קיין ראמאנען און אין זיין לע־בען זיינען ניט געווען קיינע האנדלונגען. און ווען אייניגע פון זיינע פריינדלאך, דיא יודישע בני אלהים, האבען נאך געוואלט שפיעלען א ליעבע מיט דיא טעכטער פון אדם, האט זיי דער רבש"ע באלד הערא‌בגעשליידערט פון הימעל אויף דער ערד...

ווען דער שטראם פון ציוויליזאציאן האט ענדליך זיך אריינגעריסען אין דיא פינסטערע יודישע געהעטאס, האט ער געבראכט מיט זיך אויך דיא פרעמדע פארמען פון ליטעראטור, וועלכע רופען זיך: ראמאן און דראמע.... א קינד קען אליין זעלבסטשטענדיג גאר ניט שאפען, עס קאן נאר נאכאהמען, נאכמאכען, אימיטירען. דיא ערשטע יודישע ראמאנען און, נאכדעם, דיא ערשטע דראמען, זיינען געווען נאר א קינדישע אימיטאציאן. ווייל דיא יודישע דראמע איז ער־שינען אין זיד־רוסלאנד, איז זי געווען אן אימי־טאציאן אויף דיא מאלארוסישע אפערעטען־דראמען.. דיא ערשטע יודישע טעאטראלע שטיק זיינען זעהר ענליך צו דעם אלטען קאטליארעווו־סקי'ס „נאטאלקא־פאלטאווקא".... און אנדערע... ניט דער מענש אליין ווערט אין אזעלכע פיעסען געשילדערט, נאר דיא קאריקאטורע פון מענ־שען. מען זעהט ניט זיינע האנדלונגען, נאר מען הערט וויא ער וויינט, זינגט, לאכט און מאכט זיך נאריש. עס איז שווער צו זאגען, וויא ווייט וואלט דיא יודישע דראמע פראגרעסירט, אויב

זיא וואלט געקענט בלייבען אין דער היים. דער פאקט איז, אז דיא יודישע דראמע האט געמוזט צוזאמען מיט הונדערטער־טויזענדער רוסישע יודען עמיגרירען פון רוסלאנד אין דעם פרייען לאנד אמעריקא. דא האט זיא זיך אנגעהויבען צו ענטוויקלען און וואקסען.

האט איהר א מאל געזעהען אן אוגערקע, וואס וואקסט אוים ניט אויף׳ן פעלד, נאר אין א גרין־הויז? דיא אוגערקע איז א סך גרעסער און שעהנער פון א נאטירליכער. זיא האט אבער ניט דעם ריכטיגען געשמאק, דעם אמת׳ען טעם. דיא יודישע דראמע האט זיך ענטוויקעלט אין אמעריקא זעהר שנעלל און איז אויסגעוואקסען אומגעלומפפערט גרויס. עס איז אבער א פלאנצונג פון א געוועקס־הויז... געוויס, דיזע פלאנצונג וואלט אין רוסלאנד פערפרארען געווארען און געשטארבען פון דער שרעקליכער קעלט פון דער רעאקציאן... אין קינסטלערישען אמעריקאנישען גרין־הויז האט זי געהאט גענוג דאמפף־ווארעמקייט און עלעקטרישע ליכט און זי האט געוואקסען וויא אויף הייוועז. עס איז גוט, וואס זיא האט געפונען א פלאץ וואו איבערצואווינטערן. אבער ביי ניט נאטירליכע ווארימקייט און ניט נאטירליכע ליכט האט זיא ניט געקענט וואקסען מיט א נאטירליכען געזונדען וואוקס... אויב זיא זאל דא בלייבען פיר איממער, וועט זיא גיך אריבערוואקסען איהר נאטירליכע מאס און וועט אנהויבען פערצעהרט ווערען.... איהר טויט וועט קומען אזוי גיך, וויא שנעלל איהר וואוקס איז געגאנגען. ניין! וויא עס וועט נאר קומען דער פריהלינג פון פרייהייט אין רוסלאנד, דארף מען דיזע פלאנצונג פיהרען צוריק אהיים, אריינפלאנצען זיא אויף איהר אייגענעם באָדען און לאזען זיא וואקסען דורך דיא ווארעמקייט און דאס ליכט פון דער זון... דארטען קען פון דער יודישער דראמע ווערען א נוצליכע, געזונטע און שטארקע פלאנצונג. אין אמעריקא האט דאס יודישע טעאטער קיין צוקונפט ניט...

II.

איך ווייס ניט, האט זיך א מאל ווער עס איז געשטעלט דיא פראגע: ווארום האט דיא זשארגאנישע ליטעראטור און דיא זשארגאנישע פרעססע אין רוסלאנד אן אנדער חאראקטער און אין אמעריקא, „נאר „אן אנדערן"? אין רוסלאנד איז פיר דיא לעצטע 25 יאהר אויסגעוואקסען א גאנצע מחנה טאלענטפאלע שרייבער, אמת׳ע ליטעראטען, וועלכע האבען געקענט זיין א ציהרונג פיר יעדע אייראפעאישע ליטעראטור, שרייבען בריליאנטענע ווערקע פיר יודישע מאססען. אין רוסלאנד ווערען געגרינדעט צייטונגען און געשריעבען ביכער הויפטזעכליך מיט דעם צוועק צו לערנען און אויפקלערען דיא יודישע מאסען. עס איז ניט א פריוואט אונטערנעהמונג נאר צו מאכען געלד, עס איז א סאָציאלע, קולטורעלע אויפגאבע. דיא הערויסגעבער פון צייטונגען און ביכער מעגען זיין פריוואט מענשען, אבער זייער צוועק איז א קהל׳שע זאך. אין אמעריקא זיינען צייטונגען און ביכער־דרוקעריי א פריוואט אונטערנעהמונג פיר פריוואט אינטערעסען. דער פינאנסיעלער ערפאלג פון דער אונטערנעהמונג איז וויכטיג, זיין קולטורעלע ווירקונג און ערציהענדער איינפלוס האט קיין בעדייטונג. דאס טעאטער איז אמעריקא איז אויך נור א פריוואט אונטערנעהמונג פיר פריוואט אינטערעסען. אויב עס מאכט זיך א מאל א פערפאסער ריזיקירט און שרייבט אן א פיעסע, וואס האט א קולטורעלע בעדייטונג, איז גוט, אויב ניט, וועט קיינעם חלילה דער בויך ניט וועה טהון, אויב מען וועט יאהרען לאנג שפיעלען אין אללע יודישע טעאטערען שונד דראמען מיט שעדליכע בבא־מעשות. דער גרויסער אמעריקאנישער פרינציפ: „העלף זיך אליין", רעגירט אין טעאטער גראדע אזוי גוט וויא אין קאמערציע. אויב אין אמעריקא ווערען א מאל געשריעבען גוטע יודישע דראמען, איז עס ניט דערפאר ווייל דיא עפפענטליכע מיינונג פאָרדערט עס; אדער ווייל דיא אינטעלליגענטע פארשטייער פון יודישען פאלק פאָרדערן עס; אדער ווייל עס עקזיסטירט א בעדירפניס אויף אזא זארט ליטערארישע פראדוקציאנען. חלילה וחס! אויב אימיצער וויל שרייבען גוטע דראַמען, דארף ער אליין פיר זיך שאפען א באדען און דארף פיר זיך הערויסרופען א בעדירפניס. פיר שונד פיעסען און סענזאציאנעלע מעלאדראַמען איז דאנקען גאט שטענדיג דא א באדען און עס זיינען דא בעלנים. איין אמעריקאנער יודישער אינטעלליגענט, אויב ער קען נאר א ביסעל שרייבען „ענגעליש" און ער האט אויף זיינע שרייבערייען א קונה, וועט ער שוין קיין זשארגאן ניט שרייבען, ווארום ביי דיא גוים בעצאהלט מען בעסער... אין רוסלאנד שרייבען דיא יודישע שרייבער אויך פאר געלד, אבער דאס געלד איז נאר א מיטעל. דער צוועק איז טובת הכלל. דא שרייבט מען נאר פיר׳ן בעצאהלען. פאלקסליעבע און אלגעמיינע גייסטיגע אינטערעסען פון יודישע מאססען זיינען דער אמעריקא־

נער יודישער אינטעליגענץ גאנץ פרעמד. ווער עס האט דא נאך א שטיקעלע אידעאליסטישע שטרעבונג אין זיין שרייבען, ווערט גערעכענט פאר א רוסישען יאלד...

אויב דיא מענעדזשערס פון דיא יודישע טעאטערע וואלטען געוואוסט, אז דאס טעאטער האט גרויסע סאציאלע אויפגאבען און אז זיי זיינען פיר אימיצען פעראנטוואָרטליך און איז דער זעלבער צייט פון וועמען עס איז אם ווניג־סטען מאראליש געשטיצט, וואלט אפשר דאס יו־דישע טעאטער דא געווען אין אנדער צושטאנד. וויא באלד אבער עס איז זייער אייגענע פערזענ־ליכע זאך, טהוען זיי וויא עס איז בעסער פיר זייערע אינטערעסען. זיי ספעקולירען וויא דיא מענעדזשערס פון דיא ענגלישע טעאטערע. קען מען מאכען געלד אפילו מיט א גוטע פיעסע, מהיכא תיתא, פאר וואס ניט. גיט אבער א שונד שטיק מעהר געלד, פאר וואס זאל ער זיך ניט בענוצען מיט דער געלעגענהייט? און איז אמעריקא עקסיסטירט טעאטער נאר פיר ביז־נעס. דער שרייבער פון דיזע ציילען האט א מאל געלעזען זיינע א פיעסע איז אן ענגלישע אי־בערזעצונג פאר אן ענגלישען מענעדזשער. יע־נער האט איינגעהערט מיט גדולד און האט גע־זאגט: איך וועל דיא פיעסע נעמען מיט דער בעדינגונג דו זאלסט ארויסווארפען דיא פאעזיע און פילאזאפיע וואס זיא ענטהאלט. — מיינסט דו, האט דער שרייבער געפרעגט, אז דיא פי־לאזאפיע מיט דער פאעזיע וועלען שאדען דער איינגאהמע?

— ווען עס זאל אפילו ניט שאדען, דארף איך עס ניט, האט ער געענטפערט. איך וועל ריזיקירען מיט טויזענדער פון מיין אייגענע קע־שענע דאס שטיק אויפצופיהרען. בין איך מחויב איהם, דעם צושויער, געבען פאעזיע? איך דארף איהם נאר הערייניציהען אין טעאטער און מא־כען געלד... ווער עס וויל געניסען פון פאעזיע און פילאזאפיע, זאל זיך העלפען אליין... יעדע־רער העלפט זיך אליין!... דיא יודישע מענע־דזשערס זיינען א סך ליבעראלער, זיי וועלען איך ערלויבען צו לאזען אין דער פיעסע וויפיעל פאעזיע איהר ווילט, עס זאל נאר ניט שאדען דער איינאהמע. קיינעם אינטערעסירט ניט דאס יו־דישע טעאטער אלס א שולע פיר דיא מאססען און דער צוקונפט. דיא מענעדזשערס זארגען זיך אודאי ניט פיר דער צוקונפט... און וויל דאס יודישע טעאטער עקסיסטירט דא נאר צו־ליעב געשעפט, נעהמען זיך אונטער צו שרייבען פיעסען מענשען, וועלכע ווילען נאר מאכען פון דעם א געשעפט. קיין העכערע טענדענץ, קיינע אידעאליסטישע שטרעבונגען, קיין בילדונג, קיין טאלענט, קיין עסטעטישען געשמאק פארדערט זיך ניט — דיא הויפטזאכע איז נאר א מאַ־טעריעלער ערפאלג...

דאס אמעריקאנישע טעאטער האט געהאט זעהר א שעדליכען איינפלוס אויף'ן יודישען טע־אטער. דיא דראמע איז געמאכט געווארען נאר פאר א מיטעל צו ספעקולירען און מאכען געלד. קיין העכערע אינטערעסען און קיין אנדער ציעל האט דאס יודיש טעאטער ניט. עס איז א „קאָ־מערטשעסקי“ געשעפט און מעהר גאר ניט. אלס א „קאמערטשעסקי“ געשעפט האט דאס יודישע טעאטער אין אמעריקא געמאכט גרויסע פארט־שריטע... מען פערשווענדעט ביים טעאטער א סך געלד און מען מאכט ביים טעאטער א סך געלד. עס ווערט ניט געשפארט אויף גלענצענדע פראדוקציאנען און טעכנישע עפפעקטען... א דראמאטישע ליטעראטור קען זיך אבער ניט ענטוויקלען פון גוטע מאשינעריי...

טראָץ דעם וואס דיא „פרינציפען“ פון יו־דישען טעאטער אין אמעריקא זיינען אויסשליס־ליך נאר געשעפטס פרינציפען, האבען זיך דא גלענצענד ענטוויקעלט דיא טאלענטע פון פיעלע יודישע שוישפיעלער. שטיצענדיג זיך אויף אזעלכע קרעפטע, האט דא געקענט אויפבליהען א מעכטיגע יודישע דראמע. וויל אבער דאס טעאטער דא איז א פריוואט זאכע, האבען זיך אללע גרויסע יודישע שוישפיעלער איבערגעגע־בען נאר צו פריוואט אינטערעסען. דיא קונסט איז נאר א נעבען זאכע. דער הויפט צוועק איז צו מאכען געלד. צוליעב וואס און צוליעב וועמען זאלען זיי ענטוויקלען זייער קונסט, לערנען זיך, בילדען זיך, פראגרעסירען, געהן ווייטער? ווער אינטערעסירט זיך מיט זיי אלס ארטיסטען, פיר וועמען דארפען זיי אבגעבען חשבון, און פון וועמען זאלען זיי נעהמען א ביישפיעל צו ארביי־טען ניט נאר פיר מאטעריעלען פראפיט? זיי שטייען ניט אין קיין פערבינדונג מיט'ן יודישען פאלק און זיינען פיר קיינעם מיט קיין זאך ניט פערפליכטעט און ניט פעראנטווארטליך. בע־צאהלט גוט דיא יודישע ביהנע, זיינען זיי יו־דישע שוישפיעלער; וועלען זיי האבען א מעג־ליכקייט צו געהן צו דיא גוים, וואו מען וועט בעסער צאהלען, וועלען זיי געוויס געהן. קיין אידעאלע שטרעבונג און קיין ארטיסטישע ליעבע בינדעט זיי ניט צום יודישען טעאטער. זיי

געהען מיט דעם זעלבען וועג וואס דיא מענעדזשערס געהען. דיא הויפט זאכע איז געשעפט, נאר אויב מאנכעס מאל שאדעט ניט צו געשעפט א ביסעל אמת׳ע קונסט, האבען זיי ניט דאגעגען. מיט יעדען טאג ווערט אין זיי וואס מעהר און מעהר אטראפירט דיא אמביציאן פון איין ארטיסט, און, פערקעהרט, ענטוויקעלט זיך און וואקסט דער אפעטיט פון א געשעפטסמאכער... וואס קען פון זיי דאס יודישע טעאטער ערווארטען אין דער צוקונפט?...

אויף וויפיעל דאס יודישע טעאטער איז אמעריקא איז ניט קיין ערנסטע און קיין סאלידע אונטערנעהמונג קען מען אויך זעהען פון דעם: אין ניו יארק אליין זיינען דא פיער גרויסע יודישע טעאטערע און א סך קליינע טעאטערלעך, וואו עס ווערען אויפגעפיהרט יעהרליך צעהנדליגע פיעסען און פיעסעלאך, און עס איז נאך ניטא קיין איין יודישער רעזשיסער. איז פלוג איז דאס, דאכט זיך, א קלייניגקייט, דאס ערקלערט אבער זעהר פיעל. וויא לאנג קען שטעהן א בילדינג, וואס ווערט געבויט אהן אן ארכיטעקטאר? פיעסען, וויא וויכטיג און גרויס זיי זאלען ניט זיין, ווערען אויפגעפיהרט פון זיך אליין... וויא אזוי גאט וועט געבען. יעדער געבילדעטער מענש ווייסט, וויא וויכטיג איז דאס וואס רופט זיך „רעזשי" פיר דעם אויפבויען, דיא ערקלערונג און פארביגע איללוסטרירונג פון א דראמאטיש ווערק. פאר וואס בעגעהט זיך דאס אידישע טהעאטער אהן א רעזשיסער? ווייל, ערשטענס, דיא טעאטראלע קונסט און דער ליטערארישער ווערטה פון א פיעסע שפיעלען קיין ראללע ניט. דיא הויפט זאכע איז מאכען געלד זא לאנג עס איז מעגליך, און אראפ פון מארק... דיא צווייטע אורזאכע איז, א רעזשיסער מוז זיין א געבילדעטער און א ערפאהרענער שוישפיעלער, וועלכער זאל נאך דערצו ליעב האבען דיא ביהנע און שטאלצירען מיט זיין ארטיסטישען בערוף.... דיא יודישע אקטיארען פון אמעריקא האבען געגרינדעט פון זייער קארפאראציאן א צעך פון בעלי מלאכות. זיי האבען געהאט גענוג שכל צו בעווארהענען זיך גוט וועגען בעלאהנונג. זיי האבען זיך אבער זעהר ווענינג אינטערעסירט וועגען בילדונג און נאך וויניגער געקיימערט וועגען דער ענטוויקלונג פון דער יודישער דראמע... קיין סימפאטיע צו גוטע ליטעראטור, קיין ליעבע צו זייער קנוסט, קיין אכטונג צום פובליקום האבען זיי ניט. זיי בעגנוגען זיך מיט דער קאנסטיטוציאן פון זייער יוניאן... קיין אינטעליגענטע קרעפטע, קיין נייע טאלענטע קענען אין דעם פערשלאסענעם כינעזישען צעך פון יודישע אקטיארען־מאנדארינען ניט אריינקומען. דיא אלטע ווערען עלטער און קיין יונגע פרישע קרעפטע קומען ניט צו... אויב דאס טעאטער האט אפשר יא געהאט וועלכע עס איז שאנסען צו עקסיסטירען דא אין דער צוקונפט, האבען דיא בעלי מלאכות פון דעם אקטיארען־צעך דיזע שאנסען ביי איהם אוועקגענומען.

עס זיינען אבער דא אנדערע, פיעלייכט נאך וויכטיגערע אורזאכע, וועלכע שניידען אב דאס יודישע טעאטער פון דער צוקונפט. וויא באלד דיא פאליטישע אומשטענדע וועלען אין רוסלאנד ווערען בעסער, וועט דיא אימיגראציאן אבגעשטעלט ווערען. דיא טעאטראלע קאססען ,וועלכע שפיעלען דיא הויפטראלע איז דער היגער דראמאטישער וועלט, זיינען זעהר שטארק פערבונדען מיט דער אלטער ארדנונג פון דער רוסישער רעגיערונג. וויא באלד עס וועט נאר ווערען א נייע ארדנונג אין רוסלאנד, וועלען דיא אלטע משה׳ס" אויפהערען צו עמיגרירען און דאס טעאטער וועט ניט האבען מיט וועמען צו מאכען געשעפטען. דיא יונגע דורות, ליידער, אמעריקאניזירען זיך זעהר שנעלל. פון זיי וואקסען אויס האלב געבילדעטע און גאנץ איינגעבילדעטע חברה־לייט, וועלכע האבען ליעב אמעריקאנער ספארט און אמעריקאנישע וואולגארע אמיוזמענטען. אויב זיי וועלען אפילו נאך פערשטיין יודיש, וועלען זיי דאך בעסער געהן אין אמעריקאנישע טעאטערע, וואו מען וועט זיי אויך געוויס ניט פלאגען, חלילה, מיט פאעזיע און פילאזאפיע, און מען וועט זיי געוויס געבען נאך מעהר איבערראשענדע עפפעקטען און קונצען וויא אין יודישען טעאטער. דאס יודישע טעאטער וועט פערשווינדען פון קיינעם ניט בעמערקט, אזוי וויא עס האט עקסיסטירט פון קיינעם ניט אונטערשטיצט.

דיא דראמא ליידעט דא נאך פון אנדערע אונגינסטיגע אומשטענדע. דאס יודישע לעבען אין אמעריקא גיט זעהר וועניג מאטעריאל פיר א גוטע דראמע. ערשטענס, ווייל דער יוד איז דא נאך ניט געסעטעלט. עס איז זעהר שווער צו בעאבאכטען און שילדערען א לעבען, וועלכעס האט נאך ניט קיינע בעשטימטע פארמען. וועט אבער דער פראצעס פון דער פארמאציאן אבגעשטעלט ווערען, פערשפרעכט ניט דאס יודישע לעבען אין אמעריקא צו געבען הויכע פראבלעמען צו דראמאטיזירען... דער „געסעטעלטער"

אמעריקאנער יוד איז זעהר ניט אינטערעסאנט. עס איז א פלאכער, פלאטשיגער סוביעקט, וועלכער האנדעלט מיט ריעל עסטייט, שפיעלט איז פאקער, געמבעלט אויף דער בערזע, און וועטעט געלד אויף זיין פאליטישען קאנדידאט און אויף זיין „לויף־פערד". דיא אלטע פארמען פון יודישען לעבען פערשווינדען דא שטיל, אהן אז אפפענעם קאמפף און אהן דראמאטישע צוזאמענשטויסונגען.

דיא צוקונפט פון'ב יודישען טעאטער איז אין רוסלאנד! אין רוסלאנד, וואו דאס לעבען גיט דער דראמע אייז רייכען אונערשעפפליכען מאטעריאל, וואו עס געהט דער קאמפף צווישען אלטע און נייע דורות, צווישען אלטע טראדיציאנען און נייע אידעאלען, וואו עס וועט זיך ערשט אנפאנגען א גרויסע בעפרייאונגס בעוועגונג און א וויכטיגע אויפקלערענדע ארבייט. אין רוסלאנד, וואו דער יוד לעבט יעצט ניט נאר מיט מאטעריעלע אינטערעסען, וואו דער אינטעליגענט ארבייטעט ניט נאר פיר בעצאהלען, וואו דיא מאסען ווערען ניט איגנארירט, וואו פאלקסליעבע איז ניט נאר א פראזע, וואו עס איז דא עהרליכע טראדיציאנען אין דער ליטעראטור און הויכע שטרעבונגען אין דער קונסט, וואו עס עקסיסטירט א בעלעהרענדע קריטיק און גרויסע קולטורעלע אויפגאבען, וואו הפקר־יונגען ווערען ניט געעהרט און געעהרטע מענשען ווערען ניט ערנידריגט... איך בין איבערצייגט, אז זעהר גיך וועט דער יודישער „בונד" אין רוסלאנד, וועלכער האט שוין דארט אזוי פיעל אויפגעטהאן פאר דיא אויפקלערונג פון דיא יודישע מאסען — אז דער „בונד" וועט זעהר גיך האבען א גרויסע יודישע פרייע פאלקסביהנע, וואו עס וועלען אויפגעפיהרט ווערען גוטע בעלעהרענדע און נאר אמת ליטערארישע ווערקע, געשריעבען אין יודיש פיר'ן יודישען פאלק. אין רוסלאנד וועט דער טעאטער צוציהען צו זיך אינטעלליגענטע קרעפטע און וועט ווערען געפיהרט מיט א גוטע, עהרליכע, בילדענדע טענדעניז...

דיא צוקונפט פון יודישען טעאטער איז אין רוסלאנד! אין אמעריקא האט דאס יודישע טעאטער קיין צוקונפט ניט.

יעקב גאָרדין.

אַ געשפּרעך

פון בעליאל.

צוויי פרויען האב איך געזעהען אין גרויסען טומעל. אין שטאהל געקליידעט איז געווען איינע, און אויף איהר שטאלצע קאפּ האט געבליצעט א קאסקא. פריי האט זיך פארנאנדערגעשאטען דיא לאנגע האר פון דער צווייטער איבער איהר ברוסט.

„לויף!" האט געזאגט דיא אין קאסקע, — „ווארום איך בין שטארקער פאר דיר."

„איך בין אינגער פאר דיר", האט געענטפערט דיא אנדערע.

„איך בין"..... האט געזאגט דיא געפאנצערטע.

„איך וועל זיין..." האט געענטפערט דיא אנדערע.

„איך קען..." האט געזאגט דיא ערשטע.

„איך וועל..." האט געענטפערט דיא צווייטע.

„איך דארף..." האט געזאגט דיא אין דער קאסקע.

„איך מוז..." האט געענטפערט דיא מיט דיא פרייע האר.

„לויף!" האט געסטראשעט דיא שטאלצע, „ווארום מיט מיר איז דער טוידט!"

„איך בלייב!" האט געענטפערט דיא איינגעשפארטע, „ווארום מיט מיר איז דער לעבען."

ער און מאַקס און „די שעהנע העלענאַ"

3

אָפט פלעגט ער זי אויף בעזוכען ביי איהר אויפ'ן קוואַרטיר. זי האָט געוואוינט אויף סאָפאָלק סטריט אויפ'ן פינפטען שטאָק אין א גרויסער טענעמענט־הויז.

ביי איהר אין צימער פלעגט צרהמאַן אָפּזיצען ביז שפּעט אין דער־נאכט, לעזענדיג פיר איהר גוטע אידישע ביכלאך און ניט זעלטען זיינע אייגענע ערצעהלונגען...

און בעת ער האָט געלעזען, האָט זי געטראכט, ווען וועט ער שוין אויפהערען צו קלאַפּען איהר א קאָפּ, און דאָך האָט זי זיך געמאכט, ווי זי הערט זיך צו צו זיין לעזען זעהר אויפמערקזאם; האָט איהם אין הארצען געשאָלטען מיט אלע קללות, וואָס זי האָט נור אמאָל געהערט אין דער־היים און דאָ — אין די פאבריקען, און דאָך האָבען איהרע פולע ראָזאָווע ליפּען צו איהם אזוי ליעבליך געשמייכעלט... דען צרהמאַן איז פאָרט א שרייבער און זי האָט געקענט דערצעהלען איהרע חבר'טעס, אז דער שרייבער צרהמאַן, דער זעלביגער, וואָס זיינע ערצעהלונגען האָבען זיי, איהרע חבר'טעס, אזוי ליעב צו לעזען, האָט פיר איהר פאָרגעלעזען זיינע א'ן ערצעהלונג, איידער ער האָט זי נאָך אָפּגעגעבען צום דרוקען, האָט געפרעגט איהר מיינונג און זי האָט איהם געהייסען פערריכטען אין דער ערצעהלונג דאָס און יענעס... אויסער דעם, האָט זי נאָך עפּעס געהאט אין זינען, צוליעב וואָס זי האָט איבערגעטראָגען די יסורים, וואָס זיין לעזען האָט איהר פערשאפט: זי האָט געוואוסט, אז מאקס די עופּה'לע איז שטארק ניט צופריעדען, וואָס צרהמאַן איז מיט איהר אזא נאָהענטער מחותן, און דאָס איז איהר געווען אנגענעהם, זעהר אנגענעהם; און יעדעס מאָל, אז צרהמאַן האָט איהר פאָרגעלעזען זיינע אן ערצעהלונג, האָט זי אויף מאָרגען דערצעהלט וועגען דעם אין פאבריק מאקסען, האָט מיט א כיון שטארק געלויבט די ערצעהלונג און איז געווען שטארק צופריעדען, ווען זי האָט באמערקט, אז מאקסען ערגערט עס, אז ער קאָכט זיך פון דעם...

דער טרוימער צרהמאַן, האָט עס ניט געפיהלט, ניט פערשטאנען; ער איז געווען איבערצייגט, אז די „שענע העלענא" איז מיט לייב און לעבען אריינגעטהאָן אין הערען וואָס ער לעזט פיר איהר פאָר, און איהר מיינונג וועגען זיינע אן ערצעהלונג איז ביי איהם געווען זעהר טהייער, חאָטש אין דער אמת'ען האָט ער געוואוסט, אז זי פערשטעהט וועגען ליטעראטור ניט מעהר וויפיעל ער וועגען דער קונכט, ווי צו מאכען א „לייטעשען" מאנזשעט...

און זי האָט אלע מאָל ארויסגעזאָגט איהר מיינונג וועגען זיינע ערצעהלונגען אין א פעסטען טאָן, ווי אן אמת'ע מבין'טע.

„צרהמאַן, פיקסט דאָרט די נאָז, וואָרום ווען דזשעק האָט אזא לאנגע נאָז, וועט זיך סערא ניט פערליעבען אין איהם—נאָנסענס!...

אָדער: זי דארף ניט געהן אויף א באָלל אין א שווארצען קלייד... פארגעסט ניט, אז דער באָלל איז אין ניו יאָרק און ניט אין שניפּעשאָק... טהוט איהר אָן א ווייסע קלייד און שפּילעט איהר צו א רויטע בלום צו דער ברוסט!...

אָדער: „געצעל? פוי, וואָס פיר א נאָמען, אזוי ווי אין בערדיטשעוו!. צרהמאַן, אזא שענער יונגערמאַן דארף הייסען מאקס!"

די לעצטע צייט, ווען נור אין זיינער אן ערצעהלונג אז געווען א שענער יונגערמאַן, האָט

זי געהייסען איהם אָנרופען „מאקס“... און דערביי האָט זי דעם נאָמען „מאקס“ ארויסגערעדט מיט א בעזונדער מין ווייכקייט און ווארעמקייט אין איהר זילבערנער שטים און האָט אזוי גוט און ליעבליך געשמייכעלט...

און צרהמאן האָט זי געפאָלגט, האָט פערריכט די נעזער זיינע העלדען, האָט אויסגעפוצט זיינע העלדינען אין די טהייערסטע זיידענע קליידער, האָט זיי געגעבען אנדערע נעמען, איז איהר זעהר דאנקבאר פיר די אויפמערקזאמקייט און מיט א צאפּעלדיג הארץ, און מיט זודיגע ליפּען האָט ער געשעפּצעט: „שענע העלענא! שענע העלענא!“...

* * *

אין דער לעצטער צייט האָט ער אָפט גענומען טרעפען ביי איהר אין צימער מאקסען. און, מערקווירדיג, זיין שענע העלענא איז אלע מאָל, בעת מאקס איז ביי איהר געזעסען, געווען בעזונדער גוט אויפגעלעגט, האָט געשטיפט מיט מאקסען, ווי א קינד א שטיפערין, האָט געלאכט נאָך פריילינער, ווי געוואוינליך, און האָט געטאנצט און געשפּרונגען. אזוי פריילאך איז זיא מיט אהם, צרהמאנען, קיינמאָל ניט געווען. דאָס האָט איהם געקרענקט. ניט חס ושלום דערפאר, ווייל ער איז געווען אייפערזיכטיג צו מאקסען, אָה, ניין! אזא זאך וואָלט צרהמאן געהאלטען פיר אן ערניעדערונג פיר זיך.. מאקס, וואָס איז ער? ווער איז ער? א גראָבער יונג, א אונוויסענדער קערל!. אוודאי, א מיידעל, וואָס ווערט געליעבט פון איהם, צרהמאן'ען, פון א שרייבער, קען זיך ניט פערליעבען אין א מאקסען... איהם האָט אָבער געקרענקט, וויא וואגט גאָר מאקס צו קומען צו איהר אויפ'ן קווארטיר און איבערהויפּט, ווי קען עס זיין שענע העלענא אזוי שטיפען און שפּאסען מיט יענעם?!...

און איינמאָל, אז מאקס איז אוועקגעגאנגען און ער, צרהמאן, איז געבליבען אליין מיט איהר, האָט ער עס איהר טאקי ארויסגעזאָגט אויך:

— איך פערשטעה ניט — הייבט ער אָן מיט אן אויפגערעגטען קול — ווי אזוי איהר קענט פערברענגען מיט אזא מענשען, ווי מאקס...

— פארוואָס ניט — מאכט זי און שמייכעלט שעלמיש — איז ער אפשר ניט קיין באַי?

— אָבער וועגען וואָס קענט איהר מיט איהם ריידען — וואונדערט ער זיך גאנץ ערנסט — וועגען ליטעראטור און קונסט ניט, וועגען די רעוואָלוציאָן אין רוסלאנד אויך ניט.. .וועגען וואָס זשע?...

און זיינע פער'חלום'טע אויגען קוקען אויף איהר בעת דעם פערוואונדערט.

זי טהוט א געגעץ אויפ'ן קול און טהוט פויל א מאך מיט א הענטעלע.

— אך — זאָגט זי האלב אין שפּאס און האלב אין ערנסט — איהר מיינט, אז דאָס גאנצע לעבען זיינען אייערע אויסגעטראכטע מעשיות.. ליטעראטור, מעשיות... אי, אי, א קאַטאָוועס, מען קען דאך פון דעם טאקי נתעשר ווערען!... איך זעה דאך, וואָס פיר א גביר איהר זייט געוואָרען פון אייערע אויסגעטראכטע מעשיות! אנו, לייהט מיר אקאָרשט, גביר מיינער, עטליכע טויזענד דאָלאר!

און זי שטעלט צו איהם אויס ביידע הויפּענס, אזוי ווי זי וואָלט איהם געזאָגט: „שיט, ברודערקע, אריין די דאָלערס,“ און צולאכט זיך הויך אויפ'ן קול מיט איהר זילבערנעם געלעכטער.

דיזע ווערטער צומישען איהם. ער קוקט מיט פערוואונדערטע אויגען אויף איהר ליעב פּנים'ל, אויף איהרע אויסגעשטעלטע הענטעלאך אין הויפּענס און ווידער אויף איהר פּנים'ל, קוקט און פערשטעהט ניט, צו זי מאכט שפּאס, צו זי רעדט עס ערנסט...

אויפ'ן סוף טהוט ער איבערגוואלד א שמייכעל און זאָגט:

איהר זייט הפּנים היינט זעהר גוט אויפגעלויגט פיר מאכען שפּאס?. ליטעראטור מעשיות!...

זי לאכט:

— איז עס ניט אמת? טראכט איהר ניט אויס אייערע מעשיות פון אייער אייגענעם קאָפּ?.

- און געזאָגט עס לאכט זי וויטער...

„מעשיות!“ זי רופט אָן זיינע ערצעהלונגען „מעשיות!“ רייצט זי זיך עס מיט איהם, צו זי מיינט עס טאקי ערנסט?!.

— לינא — רעדט ער ארויס מיט א ציטטערענדיגען קול, האלב פערצווייפעלט (אין אזוינע מינוטען פון פערצווייפלונג איז זי ניט געווען זיין „שענע העלענא“): — לינא, איך פערשטעה אייך ניט... איך דערקען אייך ניט!. פון וואנען האָט איהר פלוצים געקראָגען אזא מיינונג וועגען ליטעראטור?! מסתמא — רעדט ער שוין צורייצט — האָט איהר דיזע

שענע מיינונג וועגען ליטעראטור היינט געהערט פון מאקסען. אנדערש קען איך ניט פערשטעהן אייער נייע מיינונג וועגען ליטעראטור... לינא, ליטעראטור איז ניט קיין אויסגעטראכטע מעשיות — שרייט ער אוים מיט וועהטאָג אין דער נשמה — ליטעראטור איז די העכסטע, די עדעלסטע, די הערליכסטע קונסט, נעכטען נאָך האָט איהר עס אליין געפיהלט, בעת איך האָב פיר אייך פאָרגעלעזען מיין ערצעהלונג... נור אזוינע גראָבע יונגען, ווי מאקס, קענען לאכען פון ליטעראטור... מאקס איז א...

זי לאָזט איהם אָבער ניט רײדען ווייטער, ברעכט איהם אונטער מיט א ניט־פערבעהאלטענעם כעס אין קול:

— הערט אויף! פארוואָס זידעלט איהר מאקסען? וואָס פיר א שלעכטס האָט ער אייך געטהאָן?.

— מאקס איז א פערד, א עזעל, א אָקס!

— שרייט ער שוין אן אויפגעקאָכטער נאָך מעהר פון דעם, וואָס זי נעהמט זיך אָן פיר איהם...

— און איך זאָג אייך, אז ער איז א סך קליגער פון אייך, כאָטש ער קען ניט שרייבען אזוינע מעשיות ווי איהר! — זאָגט זי, קוקט אויף איהם מיט בייזע אויגען און קאָרטשעט מיט איהר פעררימען נעזעל, אזוי ווי זי וואָלט געזאָגט: „זעה נור, ווער עס רעדט פון שכל, אָט דער יאָלד!"

— אָבער אין וואָס זעהט איהר זיין חכמה?

— שרייט ער.

— א בעוויז, אז ער איז קליגער פון אייך — זאָגט זי מיט א שטעכעדיגען טאָן — איז דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט עטליכע הונדערט דאלער אין באנק און איהר זייט געווען א קבצן און וועט בלייבען א קבצן צייט איהר וועט לעבען!.

ער שפּרינגט אויף פון זיין אָרט, ווי אן אָפּגעבריטער.

— געלד? געלד? דאָס ווערט איהר, לינא, אזוי בעגייסטערט פון געלד?! — איהר, לינא, מעסט עס דעם מענשליכען פערשטאנד מיט געלד?! לינא, איהר זייט דאָך נאָך אזוי יונג!. שוין־זשע איז אין אייער יונגער נשמה ניטאָ קיין עדעלערע שטרעבונג, ווי צו געלד?!

ער ווערט פערשטיקט פון אויפרעגונג און פיהלט, אז אויב ער וועט זי ניט אוסזידלען ווי געהעריג, וועט ער זיך גאָר, דאכט זיך, באלד צו־ווינען...

זי זעהט זיין אויפרעגונג, טראכט: „וואָס פיר א גולם דאָס איז", און לאכט אויפ'ן קול.

— נו, נו, זעצ זיך, זעצ זיך, מיין פּאָעט — זאָגט זי צו איהם און לאכט — איהר זייט א מאָדנער מענש, איהר לעבט גאָר אין אנדערע וועלטען!. עס איז פריילאך מיט אייך, אויף מיין וואָרט... מען לאכט זיך אָן! — רעדט זי מיט א קאָמישען טאָן און טהוט איהם דערביי קאָקעטיש א גלעט ביים אקסעל: — נו זעצ זיך, בערוהיג זיך... ווען וועט איהר עפּעס אָנשרייבען א נייע ערצעהלונג?.

און דערביי טראכט זי „אָט יעצט וועט זך דער יאָלד בערוהיגען"...

און ווירקליך: פון איהר גלעט ביים אקסעל און פון איהר פרעגען וועגען א נייע ערצעהלונג ווערט ער גלייך גאָר אנאנדער מענש, פיהלט זיך גליקלאך, זעהר גליקלאך, און זיינע פער'חלום'טע אויגען און זיין גאנצער בלייכער פנים שמייכעלט, ווי ביי אן אונשולדיג קינד, ווען ער כאפּט זיך, אז מען האָט איהם אויסגענארט...

— אוי, זייט איהר א בחור'טע! — שעפּצעט ער ארוים אויפ'ן סוף מיט התפעלות, א גליקליכער — איהר וואָלט נור געמאכט שפּאס.. כא, כא, כא! — צולאכט ער זיך מיט זעהר א גוטען, הארציגען געלעכטער: — ווי זי קען עס נעהמען אויף זיכער!. שענע העלענא, כא, כא, כא!...

אין אזוינע מאָמענטען פלעגט זיך איהם א סך מאָל ווילען זי ארומנעהמען, צודריקען צו זיך און זאָגען איהר, ווי הייס, ווי זודיג ער ליעבט זי... נור, ווי אויף צו להכעיס, פלעגט ער גראָד דאן אין דיעזער צייט דערפיהלען, ווי הענד און פיס ציטערען ביי איהם, ווי דאָס גאנצע לייב שווידערט ביי איהם, ווי פון עפּעס א ביטערער קעלט, און אין קאָפּ אונטער די האָר ווערט איהם הייס...

ער פלעגט צומישט ווערען, פלעגט מיט א הייזעריגען קול איהר זאָגען „גוטע נאכט" און פלעגט אוועקגעהן, וויא מיט א פערטשאדעטען קאָפּ...

אין דרויסען ערשט פלעגט ער קומען צו זיך, דאן פלעגט ער זידלען זיך אליין, רופען זיך „אידיאָט", „עזעל", ווארום ער האָט זי ניט ארומגענומען, פארוואָס ער האָט איהר ניט געזאָגט, ווי הייס, ווי זודיג ער ליעבט זי; און דער סוף איז געווען, אז ער פלעגט זיך געבען א וואָרט, אז דעם צווייטען מאָל, ווען ער וועט

ביי אהר זיין, וועט ער געוויס איהר ערקלערען אלעס, אלעס... דערביי פלעגט ער זיך פארשטעלען קלאר, ווי אזוי ער האלט זי אין זיינע ארעמס, ווי ער רעדט צו איהר און וואס ער רעדט צו איהר... שענע ווערטער, ער ווערט אליין ענטציקט פון זיי!...

אבער — אי דעם צווייטען אי דעם דריטען מאל, ווי נור ער האט געוואלט עפענען דאס מויל, אום ארויסצולאזען פון דארט די ריכטיגע ווערטער, אזוי באלד האט ער דערפיהלט א ציטערניש, א טרייסלעניש, א קעלט און א היץ — אונגליקליכער צרהמאן!...

* * *

אין דרויסען ערשט פלעגט ער קומען צו צו זיין שענער העלענא'ן, האט ער זיך געפיהלט גליקלאך ווי נאך קיינמאל אין זיין לעבען. ערשטענס, האט ער היינט אין דער־פריה בעקומען א בריעף פון זיינע עלטערען, אין רוסלאנד, וועלכע ער האט היים געליעבט און נאך וועלכע ער האט שטארק געבענקט, אז זיי זיינען געזונד. צווייטענס, האט ער היינט אין די צייטונגען געלעזען, אז אין רוסלאנד ווערט געגעבען א קאנסטיטוציאן און, דריטענס, האט ער היינט געענדיגט א נייע ערצעהלונג, זעהר א גוטע, ווי איהם האט זיך גערדאכט. אין דיזער ערצעהלונג האט ער געשילדערט א טרויעריגע געשיכטע פון א ליעבע. א מיידעל ליעבט א יונגענמאן, וואס ארבייט מיט איהר אין איין פאבריק, נור ער ליעבט אנאנדער מיידעל פון דער זעלביגער פאבריק. דאס מיידעל זעהט עס, ליידעט שטיל, בעגראבט איהרע יסורים ביי זיך אין הארצען און אויפ'ן סוף בעפרייט זי זיך פון איהרע ליידען דורך גיעפט...

„זאל זעהן די שענע העלענא, ווי טיעף מען קען ליעבען" — האט געטראכט צרהמאן א גליקליכער און האט ביי זיך בעשלאסען, אז ווי נור ער וועט פיר איהר איבערלעזען די ערצעהלונג, אזוי גלייך וועט ער איהר זאגען, אז פונקט מיט דער זעלבער ליעבע פון דער העלדין פון זיין ערצעהלונג האט ער זי, זיין שענע העלענא'ן, אויך ליעב... אבער היינט וועט ער געוויס איהר עס קענען זאגען... היינט פיהלט ער אין זיך אזא קראפט, אזא מוטה... היינט איז ער אזוי גליקלאך, אזוי גליקלאך!.

עס איז געווען ארום האלב נאך זיעבען. אין דרויסען איז געווען א טרוקענער פראסט; די לופט איז געווען א ריינע, א געזונדע. די עלעקטרישע פאנארען האבען העל בעלויכטען די גאסען, ווארפענדיג פון זיך לאנגע, ציטערענדיגע, שווארצע שאטענס, ווי זיילען רויך, וועלכע האבען זיך געהייבען צום קלארען, אויסגעשטערענטען הימעל... די גרויסע פענסטער פון די מאגאזינען, פון די רעסטאראנען און די קאפע־הייזער, זיינען בעזייעט געווען מיט ברענענדיגע עלעקטרישע לעמפאלאך, וואס האבען געוואונקען פון ווייטען אזוי פריילאך און האבען געלויכטען, ווי קליינע לבנות... די טראטוארס זיינען געפאקט געווען מיט מענשען, וואס זיינען געגאנגען אין אלע זייטען און פון אלע זייטען... אלעס האט דא געקאכט און געלעבט און, ווי צרהמאן'ען האט זיך גערדאכט, זיך געפרייהט מיט דעם שענעם לעבען... די פערדלערס, אנדערע מיט וועגעלאך, און אנדערע מיט קערבלאך אויפ'ן האלז, זיינען געשטאנען ביי די זייטען פון די טראטוארס און האבען אויסגעשריען זייערע סחורות... א טומעל, א ריידעריי פון יונגע הילכעדיגע שטימען, א געלעכטער פון פערבייגעהענדיגע יונגע מיידלאך, א קלינגען פון פערבייפאהרענדיגע מיט א געפילדער קארס, — דאס אלעס האט זיך צונויפגעמישט אין איין געפילדער און האט זיך געטראגען אבער די ענגע גאסען פון דעם ניו יארקער אידישען קווארטאל אן דער דאזיגער קלארער ווינטערדיגער נאכט אזוי פריילאך, האט זיך אזוי צוגעפאסט צו דעם גליקליכען געמיטה פון אונזער צרהמאן'ען, וועלכער האט געאיילט צו זיין שענער העלענא'ן, אז ביי איהם, צרהמאן'ען האט זיך ניט ווילענדיג ארויסגעריסען: „גאטעניו, ווי גוט עס איז צו ליעבען, ווי גוט עס איז צו ליעבען!"

אין זיין נשמה האט עפעס געזונגען און געהוליעט און פאר זיינע אויגען האט געשוועבט דאס רייצענדע בילד פון זיין שענער העלענא'ן אזוי ליעב און אזוי פריילאך, און מיט זודיגע ליפען האט ער געשעפצעט אויפ'ן קול: „איך ליעב דיך, מיין טהייערע! איך ליעב דיך, מיין שענע געטין!"

צוגעגאנגען צו דער טיר פון דער גרויסער טענעמענט־הויז אויף סאפאלק סטריט, וואו זי האט געוואוינט, האט ער פלוצים דערזעהן מאקס די עופה'לע, וואס איז געגאנגען פון זיין שענער העלענא'ן, און האט זיך א טרייסעל געטהאן און איז געווארען שטארק אויפגערעגט.

„וואס פיר א טייפעל שלעפט דיך אהער, דובינע!" האט צרהמאן א טראכט געטהאן א צורייצטער וועגען מאקסען, און האט זיך אפ־

געשטעלט ביי דער טיר, אום דורכצולאָזען דעם לעצטען...

— האָ, א גוטען אבענד, לאַנדסמאַן!

— האָט מאקס אויסגעשריען, אז ער האָט איהם דערזעהן, און זיין גאנצער געזונדער, רויטער פּנים מיט די דינע ליפּען און מיט די גרובּע סארע אויגען האָבען גענומען ביטרע שמייכלען.

ער איז געווען אויסגעפּוצט אין א נייעם פּאַלטאָ, אין א נייער הוט און אין געלע לאַקיר־טע האַנד־שוה. א הויכער שטעהענדיגער קראַ־גען האָט פעסט ארומגעכאַפּט זיין געזונדען האַלז און האָט אונטערגעשפּארט זיין דיקע, וויי־סע מאָרדע, וואָס האָט דורך דעם אויסגעקוקט נאָך דיקער און ווייסער.

— איהר געהט צו לינאַ'ן? — האָט מאקס ווידער געזאָגט מיט א ניט פערבעהאַלטענער אי־ראָניע אין קול — זי איז אין דער היים, אָבער זי געהט באלד אוועק...

„ווי ער האָט זיך אויסגעפּוצט, דער בייק!"

האָט צרהמאַן א טראַכט געטהאָן און האָט ארויס געזעדט צווישען די ציינער מיט פערשטיקטער אויפרעגונג:

— יע, יע, צו לינאַ'ן, גוטע נאַכט!...

— וואָס איילט איהר זיך? זי וועט אייך סיי ווי סיי איצט ניט אריינלאָזען צו איהר אין רום. זי טהוט זיך אָן...

— ניט אייערע ביזנעס! — האָט צרהמאַן איהם געענטפערט מיט כעס, און האָט גענומען געהן אויף די טרעפּ.

פון זיין פריהערדיגען גליקליכען געמיטה איז איצט שוין קיין סליאַד ניט פערבליבען אין זיין נשמה. ער איז איצט געווען צורייצט, בייז, האָט זיך געפיהלט בעליידיגט פון מאקס'עס טאָן, מיט וועלכען ער האָט צו איהם גערעדט, און פון דעם, וואָס ער, מאקס, איז היינט ביי איהר געווען אזוי אויסגעפּוצט... ער האָט איהם געהאסט, געהאסט, ווי זיין בלוטיגסטען פיינד... „אזא כאמוליע, ער לאַכט אויף פון מיר... אויך א חכם, אזא דובינע!"

„אך — האָט ער געטראַכט, שפּרייזענדיג איבער די טרעפּ פון פינפטען שטאָק, וואו עס האָט זיך געפונען לינאַ'ס צימער אונטער'ן סאַ־מע דאך: „אך, ווען לינא וואָלט מיך געפאָלגט און וואָלט מעהר ניט געהאט מיט איהם צו טהאָן, איך וואָלט איהר דערפאר אזוי דאנקבאר געווען. וואָס פאר א פערגעניגען קען זי האָבען אין דער געזעלשאפט פון אזא מענשען... ער איז ניט שען, א געזונדער, גראָבער בייק און דאָס אַלעס!... פרעך, מיט ניט ארומגעהובליעטע מאַ־נירען..."

און בעת דעם איז ארויסגעטראָטען פיר זיינע אויגען ער, צרהמאַן, אליין, ווי ער אליין זעהט אויס: זיין מאָגערער, בלייכער פּנים, זיי־נע גראָבע ליפּען, זיין קורצער ברייטער נאָז, ווי א קנאָפּ מיט צוויי גרויסע לעכלאך, זיין ניע־דעריגער שטערען מיט די צופלאָנטערטע שוואר־צע האָר אויף איהם און זיין גאנצע קליינינקע פיגור'ל, מיט די שמאָלע אקסלען און מיט דער שמאָלער ברוסט, — און ער איז געבליבען מורא־דיג אונצופריעדען מיט זיך אליין.

אין זיינע פער'חלום'טע שווארצע אויגען האָט זיך אָפּגעטונקט א טיעפער אומעט און זיינע ליפּען האָבען זיך פערקרימט מיט אזא רחמנות'דיגען שמייכעל.

„טייפעל" — האָט ער א טראכט געטהאָן מיט פערדרוס און טיעפען וועהטאָג — „איך אליין בין אויך ניט קיין גוואלדיגער פּארשוין!...

ער איז צוגעגאנגען צום טיר פון לינאַ'ס צימער און האָט אָנגעקלאפּט.

— קאם אין! — האָט זיך אָפּגערופען לי־נאַ'ס זילבערנער קול פון צימער.

ער האָט געעפענט די טיר און איז אריין.

זי איז געשטאנען פאר'ן שפּיגעל אין א קאָרסעט, אָהן א קאָפטע, מיט נאקעטע פּליי־צעס און אָרעמס און האָט פערנאנדערגעקאמט איהרע לאַנגע בלאָנדע האָר. איהרע צארטע, ווייסע, יונגע בריסט זיינען געווען אונטערגע־הייבען פון דעם קאָרסעט און האָבען פון דאָרט ארויסגעקוקט מיט א שטומען צויבער...

דערזעהן איהם, האָט זי צושראָקען א גע שריי געטהאָן. האָט מיטביידע הענד פארדעקט די בריכט, האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט און זיך א וואָרף געטהאָן אין א ווינקעלע.

ער האָט זיך אויך דערשראָקען, איז צו־מישט געוואָרען, האָט געקוקט אויף דער פּאָד־לאָגע פארשעהמט, ווי א פערזינדיגטער חדר־אינגעל, און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן, וואָס צו זאָגען...

— געהט ארוים! האָט זי אויפ'ן סוף אויסגעשריען מיט אונגעדולד אין קול — וואָס שטעהט איהר? לאָזט מיר זיך אָנטהאָן, דאן וועט איהר אריינגעהן!

ער האָט פארשעהמט א שמייכעל געטהאָן, איז ארוים אין קאָרידאָר און האָט גענומען ווארטען ביז זי וועט זיך אָנטאָן....

אז ער איז געקומען צו זיך, איז דער ערש־

טער געדאַנק, וואָס איהם איז ארויף אויפ'ן מוח, געווען וועגען דעם, צו וועט זי היינט וועלען הערען זיין ערצעהלונג; אפשר איז זי איצט אויף איהם אין כעס און וועט ניט וועלען אהם אויסהערען... אָבער ער איז דאָך ניט שולדיג: ער האָט דאָך אָנגעקלאַפּט אין טיר און זי האָט דאָך איהם געהייסען אריינגעהן!...

און, טראַכטענדיג וועגען דעם, האָט זיך פאַר זיינע אויגען פערבייגעטראָגען זי, ווי ער האָט זי נור־וואָס געזעהן, מיט איהרע נאַקעטע, רונדע, פולע, ווייסע פּלייצעס און ארעמס, מיט די אונטערגעהייבענע רונדע, צאַרטע און ווייכע בריסט, וואָס קוקען ארויס פון אונטער'ן קאָרסעט, און ער האָט צוגעמאַכט די אויגען, ווי פאַרבלענדעט פון א שטאַרקען ניט געוואוינליכען בלאַסק, און זיין מאָגערער בלייכער פּנים האָט גענומען שיינען מיט גליק און שטאַרקער התפעלות...

און פּלוצים האָט ער זיך א טרייסעל געטהאָן און זיינע אויגען האָבען גענומען קוקען אונרוהיג און זיין פּנים איז פאַרדרעקט געוואָרען, ווי מיט א שווארצען וואָלקען.

ער האָט זיך דערמאָנט, אז מאַקס, בעת ער האָט איהם באַגעגענט, האָט איהם געזאָגט אז זי טהוט זיך אָן...

צו האָט ער, מאַקס, אויך ניט געזעהן איהר נאַקעטע לייב?!.

אָט דיזער געדאַנק אליין האָט איהם, צרה־מאַן'ען בעליידיגט, געמאַכט איהם משוגע...

אין דיזער צייט האָט לינא געעפענט די טיר און האָט איהם איינגעלאַדען צו איהר אין צימער.

זי איז געווען אויסגעפּוצט אין א שוואַרצען קלייד, מיט א ווייסען קראַגען ארום איהר צאַרטער האלז, און ווי עס איז קענטיג געווען, האָט זי שוין פאַרגעסען אויף איהר פריהערדיגען שרעק... זי האָט גנביש געשמייכעלט צו איהם מיט איהר רונד, ליעב פּנים'ל מיט די ראָזאָווע חן־גריבעלאך אויף די ווייסע פולע באַקען, פערקאָשערענדיג איהר אויבערשטע ליפּ און ארויסווייזענדיג איהרע ווייסע שאַרפע ציינדעלאך...

און קוקענדיג איצט אויף איהר פריילאָך, לאַכענדיג פּנים'ל, איז צרהמאַן'ען אליין ניט ווילענדיג געוואָרען פריילינכער און לייכטער אויף דער נשמה און ער האָט אויך געשמייכעלט...

— אוי, האָט איהר מיך פריהער איבערגעשראָקען! האָט זי פּלוצים געזאָגט און האָט זיך צולאַכט מיט איהר זילבערנעם געלעכטער.

— וואָס בין איך שולדיג — האָט ער געזאָגט מיט א פערשעהמטען שמייכעל — איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר און איהר האָט מיר געזאָגט „קאָם אין". איך האָב דאָך ניט געקענט וויסען...

און געזאָגט עס, האָט ער דערפּיהלט, ווי דער פּנים ברענט ביי איהם...

— איך האָב געמיינט — האָט זי זיך אָפּגערופען, האָט אויף איהם א קוק געטהאָן מיט עפּעס א געהיימער מינע און איז אנשוויגען געוואָרען.

— וואָס האָט איהר געמיינט?

— אז דאָס קלאַפּט אן אייגענער מענש —האָט זי ארויסגערערדט לאנגזאם יעדעס וואָרט בעזונדער און שמייכלענדיג מיט א נייעם, א געהיימען שמייכעל, וואָס ער האָט נאָך ביי איהר ניט געזעהן: — דערפאַר האָב איך געזאָגט „קאָם אין".

„אן אייגענער מענש! ווער קען עס זיין: א מאַנספּערזאָן, צו א פרויענצימער?" — איז דורכגעפלויגען אין זיין מוח. דאָס הארץ האָט ביי איהם א ציטער געטהאָן און ער האָט דערפּיהלט עפּעס א מין אונרוהיגקייט...

„זי מאַכט שפּאַס, איך קען זי!" האָט ער זיך געפּרובט טרייסטען און האָט זיך דאָך ניט געקענט בערוהיגען.

— און איך בין אייך ניט קיין „אייגענער מענש?" — האָט ער שטיל געפרעגט מיט א געצוואונגענעם שמייכעל אויף די ליפּען.

— איהר? ניין! — האָט זי געענטפערט, קוקענדיג איהם גלייך אין פּנים מיט איהרע גנב'יש־שמייכלענדיגע אויגען — איהר זייט נור א פּאָעט, הגם אויך א מענש, נור ניט מיין „אייגענער". מיינער קען ניט שרייבען קיינע מעשיות, דערפאַר קען ער מאַכען א „ליטעשען" סליוו און קען צעהלען אָט דאָס־אָ! (זי האָט גענומען דרעהען מיט א פינגער איבער דעם לאַדאָן פון איהר קליינער, רונדער הענטעל רעדעלאך) אָט דאָס מיין איך... די רונדינקע, די קלינגענדיגע: מאָני, די פּותיקע!...

„זי שפּאַסט, זי שפּאַסט. דער ליעבער גנב!" טרויכט ער זיך אין זיינע מחשבות און אין דער זעלבער צייט פּיהלט ער עפּעס אזא אונאנגענעהמען שווערען געפּיהל...

ער האָט זיך צולאַכט, און דיזער געלעכטער זיינער האָט אָפּגעהילכט אין זיינע אייגענע

אויערען אזוי פרעמד, אזוי ניט נאטירליך...

— היינט ווילט איהר זיך הפנים ווידער מיט מיר רייצען — האט ער ארויסגערעדט שטיל, קוקענדיג אויף איהר האלב צומישט און סטארענדיג זיך צו שמייכלען פרייליך: — היינט וועט עס אבער ניט געהן, איך פערזיכער אייך! (ער האט זיך געזעצט אויף א שטוהל אין מיטען צימער און ביסלעכווייז האט ער טאקי גענומען גלויבען, אז זי מאכט פון איהם שפאס) אה, איך קען אייך — האט ער שוין גענומען ריידען פרייער און אויף זיין בלייכען מאגערען פנים האט זיך צוגאסען א צארטער שמייכעל: — איך זעה אייך דורך און דורך... מיך וועט איהר שוין ניט נארען, שענע העלענא!

זי האט זיך צולאכט אויפ'ן קול, אונטערטאנצענדיג אויף איהרע פיסלאך, און האט זיך אנגעכאפט מיט ביידע הענד פאר די ברוסט.

— אך, פאעט, פאעט — האט זי אויסגעשריען, לאכענדיג: — איהר זעהט אלעס, נור... אין חלום!...

און באמערקט די נארישע אויגען, וועלכע ער האט אויף איהר אויסגעשטעלט, האט זי זיך נאך העכער צולאכט.

פלוצים האט זי אונטערבראכען איהר געלעכטער, האט געמאכט א האלב ערענסטע מינע און האט געזאגט:

— ערענסט, מיסטער צרהמאן, איך האב שוין א חתן זייט נעכטען... ווען איהר האט אנגעקלאפט אין טיר, האב איך געמיינט, אז ער קלאפט עס און דערפאר האב איך געזאגט „קאם אין"... ניט אמת, אן אייגענעם חתן מעג מען דאך אריינלאזען אין רום, ווען מען טהוט זיך אן אויך?.

ער האט געקוקט אויף איהר מיט אויסגעשצירעטע אויגען און האט ניט געגלויבט זיינע אויערען. און אין דער זעלבער צייט האט אין דער טיעפעניש פון זיין נשמה עפעס פערשטיקט געקרעכצט.

— איהר האט א חתן? האט ער ארויסגעשטאמעלט מיט א קול, וואס מען האט קוים געהערט.

— יעס. אפשר ניט צייט, וואס? — האט זי געענטפערט, שמייכלענדיג מיט איהר גנב'ישען שמייכעלע: איך בין שוין באלד אן אלטע מויד, איבער ניינצעהן!. איהר זאלט מיך שוין מעהר ניט רופען „שענע העלענא", אז ניט וועט מיין חתן ווערען איפערזיכטיג צו אייך...

זי האט איהם דערביי א סטראשע געטהאן מיט א פינגער, האט געטראכט, שטיקענדיג אין זיך דעם געלעכטער: „עס איז טאקי דא צו וועמען!" און האט גערעדט ווייטער:

— ער איז ערשט דא געווען, איז אוועק נאך טיקעטס אין טעאטער. מיר געהען היינט אין טעאטער... וואס איז מיט אייך? — האט זי זיך פלוצים א כאפ געטהאן מיט א פערוואונדערטען קול און האט אויסגעשטעלט אויף איהם אויסגעגלאצטע אויגען.

ער איז געזעסען, בלייך ווי דער טויט, מיט א ווייט געעפענטען מויל, מיט די אויגען אויסגעשצירעט אויף איהר און האט שווער געאטהעמט.

— איהר זייט קראנק? — האט זי זיך ווידער געווענדעט צו איהם מיט א געוויסער אונרוהיגקייט אין קול.

— הא? — האט ער ארויסגעשטאמעלט, ווי פון שלאף, האט צוגעמאכט דעם מויל, האט פערקרימט די ליפען, וואס האבען א ציטער געטהאן, און האט א פיהר געטהאן מיט א האנד איבער דעם שטערען.

— אי, ווי עס טהוט וועה! — האט ער שטיל א קרעכץ געטהאן און האט אפגעקעהרט פון איהר דעם קאפ: — פארוואס מוטשעט איהר מיך אזוי, לינא?!.

— ווער מוטשעט אייך, משוגענער? מיט וואס מוטשע איך אייך? האט זי אויסגעשריען און איהרע אויגען האבען געשפריצט מיט א'ן איינגעהאלטענעם געלעכטער.

ער איז אויפגעשטאנען פון זיין ארט.

— איהר מאכט דאך שפאס, לינא, איא?

— האט ער ארויסגערעדט שטיל, קוקענדיג אויף איהר מיט געבעט: — איהר האט דאך ניט קיין חתן, ניט אמת?

— זי האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט און האט אויסגעשריען לאכענדיג:

— אבער פארוואס גלויבט איהר זיך ניט, אז איך האב א חתן? אוי, אזא שטיק גאלד זאל איך האבען, וואס פיר א חתן איך האב! איהר קענט איהם אויך: מאקסען!.

ער האט א ציטער געטהאן מיט דעם גאנצען קערפער, איז אפגעשפרונגען עטליכע טריט צוריק, אזוי ווי עמיצער וואלט איהם א שטארקען שטויס געטהאן אין ברוסט, און איז געבליבען שטעהן, ווי אן איינגעגראבענער, מיט אויסגעשצירעטע אויגען און מיט אן אפענעם מויל...

אין דיזער צייט האט זיך פאר זיינע אויגען דורכגעטראגען מאקס, ווי ער האט איהם געזעהן,

געהענדיג אהערצו: א אויסגעפוצטער, א אויס-געפראנטעוועטער, און מערקווירדיג: עס האט זיך איהם געדאכט, אז איצט נאך הערט ער זיין,מאקס'עס, קול: „וואס איילט איהר זיך... זי וועט אייך סיי ווי סיי ניט ארייגלאזען צו איהר אין רום. זי טהוט זיך אן... און גלייך נאכ-דעם האבען זיך פיר זיינע אויגען דורכגעטרא-גען לינא'ס נאקעטע פלייצעס און ארעמס, איה-רע יונגע, ווייסע, צארטע בריסט און דער קאפ האט ביי איהם גענומען דרעהען...

און מיט איין מאל האט ער גענומען שריי-ען ניט מיט זיין קול: — דאס איז א ליגען! לינא, א ליגען! עס קען ניט זיין! ער איז א גראבער יונג! לינא — האט ער זי פלוצים גענומען בעטען מיט א קול, אין וועלכען עס הא-בען געקלונגען טרערען: — זאגט, אז איהר האט געלאכט פון מיר, זאגט, אז איך בין א אידיאט, ווען איך האב אויף א רגע געקאנט גלויבען, אז אט דער גראבער יונג איז אייער חתן! זאגט, איך בעט אייך, מוטשעט מיך ניט!"

און דא, אליין ניט וויסענדיג, וואס ער טהוט, האט ער זי א כאפ געטהאן ארום טאליע מיט א משוגענער ליידענשאפט, האט זי גענומען שטיקען אין זיינע ארעמס און קושען, אטהע-מענדיג מיט פייער...

זי האט צושראקען א געשריי געטהאן, האט זיך געריסען פון זיינע ארעמס און האט איהם געשלאגען מיט די עלענבויגענס איבער'ן פנים...

אויפ'ן סוף האט זי זיך ארויסגעריסען פון זיינע ארעמס. דער פנים האט ביי איהר גע-ברענט, די בלאנדע האר האבען זיך צושאטען איבער איהרע פלייצעס, איהרע בלויע אויגען האבען אויפגערעגט געבלישצעט און זי האט שווער געאטהעמט...

—ווי וואגט איהר — האט זי אויסגע-שריען, אפכאפענדיג דעם אטהעם — געהט גלייך ארויס פון מיין רום!

— לינא — האט ער ארויסגעקרעכצט — איך האב אייך ליעב; איך וועל ניט דערלאזען, אז א געבארענער שנייהער זאל אייך אוועק-נעהמען פון מיר!. לינא, איך וועל אייך מא-כען גליקלאך! — האט ער ליידענשאפטליך אויסגעשריען.

— ארויס פון מיין רום, זאג איך אייך!
— האט זי געענטפערט מיט א ציטערענדיגען קול פון אויפרעגונג: — מאכט זיך אפריהער גליקלאך; לערענט זיך אויס אפריהער מאכען און אנשטענדיגען „סליוו", איהר טרעמפ וואס איהר זייט, איהר שלעפער, איהר ליי!.

ער האט זיך צונויפגעקארטשעט און ווי קליין און מאגער ער איז פריהער געוועזן, האט ער איצט אויסגעזעהן נאך קלענער, נאך מאגע-רער, ווי א קליין קינד האט ער איצט אויסגע-זעהן, ווי אן אונגליקליך, פערצרה'ט קינד; דער פנים האט זיך ביי איהם פערקרימט, ווי פון טיעפען שרעקליכען וועהטאג און ער האט געקוקט אויף איהר אזוי אונגליקליך און געפינ-טעלט מיט די אויגען...

„אזוי גאר?" — האט ער געטראכט מיט פערצווייפלונג — „וואס טויג ליטעראטור, וואס טויג טאלאנט, אן אנשטענדיגען „סליוו" דארף מען קענען מאכען," דאן קען מען געליעבט ווע-רען!. וואס טויג אזא לעבען?

וואס דארף איך לעבען? ווי קען איך איצט לעבען?! — האט געקרעכצט פערצוויי-פעלט אין זיין נשמה...

אין דיזער צייט איז מאקס ארייגעלאפען אין צימער א פערסאפעטער, האלטענדיג אין א האנד די בילעטען פון טעאטער.

— לינא, דו ביסט נאך ניט פארטיג? שנעל, אז ניט פערשפעטיגען מיר דעם ערשטען אקט! — האט ער אויסגעשריען.

לינא האט זיך א ווארף געטהאן צו איהם און האט זיך ארומגעכאפט מיט ביידע הענד ארום זיין האלז.

— מאקס — האט זי אויסגעשריען — גוט, וואס דו ביזט געקומען, זאג דעם טרעמפ, ער זאל ארויסגעהן פון רום!.

אבער צרהמאן האט ניט געהערט, וואס זי רעדט צו איהר חתן; ער האט איצט נור גע-זעהן איהם, מאקסען, זיין ברייטען, רויטען פנים, וועלכער האט אין דיזער מינוט אויסגעדריקט פערוואונדערונג, און ווי לינא האלט איהם ארום האלז...

און ער האט זיך געפיהלט אזוי קליין, אזוי שוואך, אזוי אונגליקלאך, אז ווען אין דיזער מינוט וואלט זיך אונטער איהם געעפענט א גרוב, וואלט ער מיט שמחה אהין אריינגע-שפרונגען, אבי צו פערשווינדען פון זייערע ביי-דענס אויגען, אבי זיי זאלען איהם ניט זעהן אזא. ווי א צוטראטענער ווארעם האט ער זיך געפיהלט, ווי א ווארעם, צוטראטען פון א שווע-רער פוס פון א פיזיש שטארקען מענשען...

און, שאקלענדיג זיך אויף די פיס, ווי א שיכור, האט ער זיך שטיל, א צונויפגעקארטשע-

טער, א קליינינקער, א מאָגערער, צוגע'גנב'עט צום טיר, האָט איהר געעפענט מיט ציטערענ־דיגע הענד און איז ארויס פון צימער.... און הינטער איהם האָט זיך דערהערט מאקס'עס לאַכען אויף זיין באס־שטים, צומישט מיט דעם זילבערנעם געלעכטער פון לינא'ן...

ער האָט זיך געלאָזט לויפען פון די טרעפּ און דאָס געלעכטער נאָך איהם, נאָך איהם, נאָך איהם....

לעאָן קאָברין.

יאנואר 4 ,1906, ברוקלין.

אַ מופת פון שפּאַלער

באַלאַדע.

פון ה. רויזענבלאַט.

א.

עס טרייבט זיך מיט טייפלישער איספּעט,
און הודיעט און טומעלט און קנאַקט,
און וואָלקען פון שטויב ביז צום הימעל,
בעדעקען דעם גרויביגען טראַקט.

נור אַט נעמט זיך קלעהרער שוין ווייזען,
אַלין נעהנטער און נעהנטער צום שטאָט,
„פאַן שוליאק'ס" פיער פערד ווי די לייבען
געשפּאַנט אין זיין רייכען קאַראָט.

עס שפּרינגען דיא פערד וויא דיא שדים,
משוגע פון יוילדקייט און וואוטה,
די אויגען ווי סטאַרקאַצים פלאַמען,
די אויגען פערגאָסען מיט בלוט.

דאָך הערט נישט די בייטש אויף צו קנאַלען,
און יאָגען די פליהענדע פערד;
עס שפּריצען פון הינטער דיא רעדער
אזש פונקען ארויס פון דער ערד.

נאַר, וואונדער, וואָס זאָל דאָס בעדייטען?
וואס איז היינט מיט שפּאַלע געשעהן?
עס לויפט גאָר די שטאָדט ניט אנטגעגען,
„פאַן שוליאק'ס" ביוז וואונדער צו זעהן.

„וואו זיינען די זשידקעס, וואו זיינען?
ער ריהרט זיך גאָר קיינער פון פלעק,

די זשידעס וואָס פלעגען זיך בויגען
פאַר איהם, מיט הנופה און שרעק.

„צו איז אונבעמערקט גאָר געבליעבען
זיין גאַנצער פּאַראַד? און אומזיסט
איז גאָר אַט דער אַנשטעל דער פוסטער?
אוי וועה ווי דעם „פליאקע" פערדריסט...

„וואו זיינען די זשידעס וואָס פלעגען,
בעלעגערען פּשוט די גאַס,
און ס'פלעגט זיך דער „פּאַן" מיט זיי ווויצלען,
אין אַפּט זיך פעריפיהרען א שפּאַס?

„דו, מאַשקע, ארויס פון מיין דירה,
ביז וואַנען איין ערך דער שיעור,
צו צאַפּען פון פויער די דמים
מיט וואָכערס? — איך רעד דאָך צו דיר!"

„דו, שליאָמקע, ארויס פון מיין שוינקעל,
אַט מאָרגען, און טאקי פאַרטאָג,
זענוג דיעם חאַמאלע דיר רויבען
דו הערסט מיר — דו זשיד, וואָס איך זאָג?!"

און „מאַשקע" און „שליאָמקע" זיי שטעהען,
און שטשירען פאר נחת די ציין,
„דער אדון ער טרייבט נור קאַטאָוועס...
זיי ווייסען: ער מיינט דאָס ניט — ניין!

די זשידעס, וואו זיינען די זשידעס?
עס ריהרט זיך די שטאָדט ניט פון פלעק,
די זשידעס וואָס פלעגען זיך בוקען,
פאַר איהם מיט חנופה און שרעק.

נור פּלוצים... ער כאַפּט זיך, דער פּריץ,
איהם טאָגט וואס אין קאָפּ און איהם שיינט —
„די זשידעס, זיי זיינען אין שוהל איצט,
ביי זיי איז יום כפור דאך היינט“.

ב.

הייס איז אין דעם שפּאלער בית־מדרש,
און דונקעל און שווער און געדיכט
היינגט אונטער דעם ברודיגען באַלקען
דער רויך פון דיא וואַקסענע ליכט.

די ליכט ברענען דונקעל און סומנע,
די פלעמליך בעוועגען זיך קוים
און געבען דעם גאַנצען בית־מדרש
דאָס שטאַמט פון אַ גרוילִיכען טרוים.

און ס'טראָגט זיך א ציטערנדעס מורמלען
און וויגט זיך אריבער די קעפּ,
און שפּאַרט זיך פון מזרח צום בימה
פון בימה אראב צו די טרעפּ.

צוזאַמענגעשלאָגען, ווי לעמער
אין פעלד, ווען דער שטורעם זיי שרעקט
קוקט אויס דער געבויגענער עולם
אין קיטעל און טלית געדעקט.

נור פּלוצלים ווערט שטיל דאָס בית־מדרש...
דער עולם דערלאַנגט זיך קיין ריהר,
פאַרגאפט בלייבט איעדער צו זעהען
פאַן שוליאַקען שטעהען ביים טיהר.

נור איינער, און דאָס איז דער „שפּאָלער“,
ביים עמוד געבויגען דעם קאָפּ,
בלייבט שטעהען זיך רוהיג ווי פריהער
און זאָגט אלץ און שטעלט זיך ניט אָפּ.

און ס'הויבט זיך זיין קול מיט א ציטער
אריבער די שאָקלענדע קעפּ
און גיסט זיך פון עמוד צום בימה,
פון בימה אריבער די טרעפּ.

עס כשוף'ט דער קול פון דעם צדיק;
דער עולם דערהערט און כאַפּט איין
די תפלה מיט קולות און יאָמער
וואס רייסט זיך צום הימעל ארויף.

דער עולם ער הערט ניט און זעהט ניט,
פערגעסען דעם אדון ביים טיהר;
עס טרינקט זיך דאס גאַנצע בית־מדרש
אין'א מבול פון טרעהרען אָהן שיעור...

פערוואונדערט בלייבט שטעהען פאַן שוליאַק,
גערירהט און אין גאַנצען צושטערט;
ער האָט נאָך קיין מאָל אין זיין לעבען
אזעלכע יללות געהערט;

ער האָט נאָך קיין מאָל ניט געזעהען
אזוי פיעל יסורים און וועה.
היינט ווער איז אָט יענער, דער אלטער,
וואס האָט אַזאַ כח איבער זיי...

„ווער איז עס, ערקלער מיר נאָר, זשידער.
אָט יענער דער גרויז־גרויער מאַן?“
און ס'קרעכצעט א אידעל א הליש:
„דער שפּאָלער בעל מופת, מיאפּאַן,

„דער זיידע פון שפּאלע, דער צדיק...
דו האָסט ניט געהערט גאָר קיין מאָל
פון געטליכען מאַן פון דעם גרויסען —
די קרוין פון דעם אידישען קהל?!“

געשטאַנען א ווייל איז דער פּריץ,
געשטאַנען, געקלערט און געטראַכט —
— „געה זאָג איהם, איך וויל מיט איהם רעדען
'ך וויל זיין ביי איהם היינט ביי־דער־נאַכט.“

ג.

עס הודיעט גאַנץ שפּאלע און הודיעט
און קאָכט זיך און זידט ווי א קעסעל;
עס קלינגט מיט דער נעכטיגער נייעס
אין שטאָדט שוין איעדוועדער געסעל.

„געהערט שוין דיא נייעס פון נעכטען?“ —
שרייט אויס ווער דערפריט און צופריעדען —
„געווען איז דער פּריץ ביים רבי'ן,
געווען, ווי דו זעהסט מיר אַ אידען“.

„געדארפט וואָלסט דו הערען די טענות,
ווי 'ר האט זיך צוקאָכט דאס ביים רבי'...
ניט אַנדערש ער וויל נאָר א תשובה
אַ קלאָרע פון צדיק זאָל לעבען.“ —

„ביז וואַנען דער שיעור איז צו וואגלען
אלס אומה, צופליקט און צוריסען,
און רק אייער בלוט, איי׳רע טרעהרען
אין לענדער פון שונאים פערגיסען?

„ביז וואַנען דער שיעור איז צו וואַגלען
פון דר׳היים אין דער פרעמד אלץ פערטריבען;
ווי גרויזאַם עס מוז אייער גאָט זיין,
וואס וויל אייך די זינד ניט פערגיבען.“ —

„און איצט הער פון רבי׳ן א׳ן ענטפער:
— איך וויים אז די זאַך איז דיר קימה
נור ווארט, דו וועסט לעבען און זעהען“ —
און מעהר ניט א וואָרט צו דעם רשע...

* * *

עס הודיעט גאנץ שפּאלע און הודיעט
און קאָכט זיך און זידט ווי א קעסעל;
עס איז שוין די נעכטיגגע נייעס
צוקלונגען אין יעדוועדער געסעל.

ד.

עס געהט זיך די צייט אונבעמערקבאר;
עס שווינדען פאַמעליך די יאַהרען;
פון אלעס וואס האט זיך געטראָפען
איז פיעלעס פערגעסען געוואָרען.

די צייט הויבט אַן וויזען סמנים
פון נייע געדאַנקען און זיטען
און ביסלעכווייז, קוים צו בעמערקען,
ווערט פיעלעס אין לעבען געביטען.

דער אַלטער דור הערשט נאָך אפילו,
און לאָזט זיך פון צייט ניט בעזיעגען,
דאָך שווער ווערט דעם דור זיי דעם נייעס
מיט ליעדער מיט אלטע פערוויגען.

און ס׳שטאַרקט זיך דער אלטעטשקער דור נאָך,
איהם ווילט זיך ניט לאַזען בערויבען
זיינ׳ אַלטע מנהגים און זיטען —
די זיילען פון היליגען גלויבען.

„עס לעבט נאָך דער גאט פון ישראל
דער גלויבען איז שטארק נאָך ווי אייזען,
ער וועט אונז נאָך געבען צדיקים,
וואס וועלען אונז מופתים בעווייזען.“

און ס׳זיינען די „אלטע“ געשטאַנען,
געקעמפּפט, ווי די מעכטיגסטע ריעזען,
און האָבען זיך אמת צום ענדע
ווי פעלזען אין קראַפט זיך געוויעזען.

. . . .

אַ צייט איז פערראַנען,
דער שפּאַלער איז נפטר זייט יאהרען

. . . .

דאָך איז זיינס א מופת
אַצינד ערשט מקוים געוואָרען...

שלום פאלגט.

ערב אַ פּאָגראָם

(אַ טאָגעבוך פון אַ "פּריץ")

פון יעלעפּאַטעווסקי*; איבערזעצט פון רוסיש פון מ. קאַמ—סקי.

אָט! מיין גאָט! וויעדער הערט זיך דאָס וואָרט „זשיד"! וויעדער טראָגט זיך אין דער לופט א פּאָגראָם! וויעדער... ניין! איך קען ניט, איך קען עס ניט אויסהאַלטען! איך פיהל, אז איך דאַרף לויפען אויף דיא גאַסען, אין דיא הייזער, צו מענשען, ריידען, שרייבען, בעטען, ערוועקען אין זיי געפיהלען, געפיהלען פון מענשען... און אַנשטאַט דעם מוז איך זיצען און וואַרטען, זיצען און קוקען!

אלין, אלין קען מיין קאָפּ בענעהמען. איך פערשטעה א מלחמה, א גנבה, גזלה. אָבער ניט דאָס, ניט קיין פּאָגראָם, ניט קיין טויטגעשלעג צווישען צוויי בירגער, נעכטען נאָך פריינד, און היינט.... דערפאר וואָס איינער איז א קריסט, און דער אנדערער א איד, בלוטיגע שונאים. עס שטעהען נאָך פאר מיינע אויגען דיא בלוטיגע צייכענס פון יענעם פּאָגראָם, וועלכען איך האָב געזעהען... ווען? וויא לאַנג? צוואַנציג — פינף און צוואַנציג יאָהר צוריק.

פינף און צוואַנציג יאָהר! איך בין געווען זיכער, אז דאָס אלין איז שוין לאַנג פערגעסען, אויסגעמעקט און ארויסגעוואָרפען געוואָרען פון לעבען, וויא מען וואַרפט ארויס אן אָבגעלעבטע, ניט קיין נוציגע זאַך!

עס פלעגען זיך אפילו צייטענווייז זיא אנטיסעמיטען לאָזען הערען. אָבער איך האָב זיי קיינמאָל ניט גענומען ערנסט: איך האָב זיי געהאַלטען פאר צו קליינע און פּאַסקודנע מענשעלעך, אז זיי זאָלען קענען וואָס עס איז שאַדען...

איך האָב ניט גערעכענט, אז עס וועלען זיך געפינען אזוינע לומפּען, וואָס וועלען פאר זייער אנטיסעמיטישע אגיטאַציאָן אויסנוצען דיא קאָלומס פון געוויסע צייטונגען.

לומפּען! איך קלייב איבער אין קאָפּ אלע אנטיסעמיטען, וועלכע איך האָב דאָ אָדער דאָרט בעגעגענט און איך קען ניט ארויסגעפינען חאָטש איינעם אן אָרענטליכען, גוטען, קלוגען מענשען; עס זיינען דאָס רוב געווען קלוגע זשוליקעס, אָדער גוטע נאַראָנים, אָדער מענשען וואָס קוקען ניט ווייט און פערשטעהען ניט פיעל.

און דאָס שרעקליכע געהט וויעדער...

דער ערשטער, וואָס האָט מיר געבראַכט דיא נייעס, איז געווען מיין לאַקיי אפאנאס. ער איז געקומען פון מאַרק מיט א שמייכעל. „מען וועט שלאָגען אידען, פּריץ"! איז געווען זיין ברוך הבא.

— וואָס הייסט שלאָגען אידען? ווען? באַלד?

— אָט, מען וועט שוין אָנזאָגען! — האָט ער מיר געענטפערט און איז אוועק.

עס איז געקומען דער אַלטער בערקע, א בלאַסער, א צושראָקענער, מיט צומישטע אויגען און מיט א ציטערנדיגען קול האָט ער מיר א פראַג געטהון:

— איהר האָט געהערט, הערר נאָטאַריוס? איהר ווייסט? איהר גלויבט אין גאָט? אין אייער גאָט, פּריץ?

בערקע איז פון דעם זעלבען דאָרף, פון וואַנען איך קום ארויס. ער האָט דאָרט זיין

**) יעלעפּאַטעווסקי געהערט צו די בעסטע טאַ־לענטפאַלסטע און קליגסטע רוסישע בעלעטריסטען פון די לעצטע יאהרען. יעלעפּאַטעווסקי האט אימער א מערקווירדיגען בעאָבאַכטונגס טאַלאַנט. ער כאַפּט שטענדיג אראָפּ די נייעסטע טיפּען און שטימונגען, וועלכע דער לעבען רופט ארויס. איניגע פון זיינע טיפּען, ווי צ. ב. ספּירקא, זיינען געוואָרען א שם דבר. פאר די אידישע לעזער איז יעלעפּאַטעווסקי, אויך ווי ווייט אונז איז בעקאַנט, א גאַנץ נייער מאַן. יעדענפאַלס איז פון איהם גאַנץ וועניג איבער־זעצט געוואָרען אויף אידיש. צו הערען וואס אזא קלוגער ערנסטער שרייבער האט צו זאגען וועגען די פּאָגראָמען איז געוויס אינטערעסאַנט.—רעד.

גאנצע יוגענד פערבראכט. ער האָט געהאַלטען דעם פּאַטער'ס שיינק, און איז מיט אלעמען זעהר גוט אויסגעקומען.

איין מאָל איז צו איהם געקומען א מחנה מוזשיקעס און איהם געזאָגט, אז מען האָט זיי געהייסען שלאָגען אידען. נאָר איהם וועלען זיי גאָר נישט טהאָן, ווייל ער איז צו זיי גוט געווען. אָבער פון דאָרף וועלען זיי איהם צונעהמען און אוועקפיהרען אין שטאָדט.

זיי האָבען איהם און זיין ווייב מיט זיינע בעביכעס ארויפגעלייגט אויף דיא וועגען און אוועקגעפיהרט אין שטאָדט.

אין שטאָדט האָט מען געשלאָגען, גע־הרג'עט, וויא מען האָט געקענט. מען וואָלט געוויס אויך בערקען דער'הרג'עט, ווען ניט דיא מוזשיקעס. זיי האָבען עס ניט דערלאָזען. אָבער מיט לײדיגען האָבען זיי אויך ניט געוואָלט זיך אומקעהרען אהיים...

פון יענער צייט אָן איז בערקעס ווייב משוגע געוואָרען און געשטאָרבען אין דול־הויז. זיין זוהן, וויא ער איז נאָר אונטערגעוואקסען, האָט ניט געוואָלט פערבלייבען אין רוסלאנד און איז אוועק אין אמעריקא. וואָס מיט איהם איז? וויים בערקע ניט. וואהרשיינליך איז ער דאָרט געשטאָרבען, און בערקע איז געבליעבען אליין.

מיר דאַכט זיך, אז דער איינזאמער בערקע האָט אלץ פערגעסען: זיין ווייב, זיין זוהן. ער געדענקט נור איין זאך: דעם שרעק. און ווער וויים? אפשר שפּיעגעלט זיך נאָך ערשט אָב אין זיינע אויסגעלאָצטע אויגען יענער שרעק? זיינע ליפּען בעוועגען זיך שטענדיג: אפּשר בעט ער און וויינט צו זיין גאָט, אין וועלכען ער גלויבט שטארק?

לעבען פענסטער געהט פאַרביי „סקריפּקע". ער זעהט בערקען און געהט אויף אריין צו מיר.

— מען וועט אייך שלאָגען, בערקע, דאָס איז ריכטיג.מאָרגען, דעם 15טען יוני...

„סקריפּקע" קען בערקען אויך פון דער יוגענד, און גוטמוטהיג זאָגט ער צו איהם:

— דו, בערקע, קום צו מיר מאָרגען פריה. איך וועל דיר בעהאַלטען. ביי מיר וועסט דו זיין זיכער. איך וועל זיך אָנטאָן אין מונדיר מיט דיא „שנאַלען"...

ער איז פרעהליך און צופריעדען. בערקעס אַלטע געשיכטע וויים ער. אָבער עס ווילט זיך איהם העערן עס נאָך אמאָל. עס טהוט איהם הנאה דאָס צו הערען, און ער קייקעלט זיך פון געלעכטער.

— וויא? — פרעגט איבער סקריפּקע לאַכענדיג — מען האָט געהייסען־אלעמען שלאָגען?

— יע, געהייסען שלאָגען! — חזר'ט שטיל איבער בערל.

— ווער האָט געהייסען? זיי זיינען שלעכטע.

וויא עס ווייזט אויס, וויים בערל ניט, ווער עס האָט געהייסען, נאָר וויא אַ'עכאָ רעדט ער נאָך:

— געהייסען שלאָגען.

— יא, מען וועט אייך שלאָגען — רעדט סקריפּקע גאַנץ רוהיג ווייטער — עס איז ריכטיג... מען קען ניט העלפען, דו קום...

און סקריפּקע'ס געזיכט איז רוהיג. פּראָסט און קלאָר דער אויסדרוק. פּראָסט און קלאָר דיא ווערטער, און ער איז צופריעדען.

נאכדעם איז געוואָרען נאכט. יענע, שטילע, פערשלומערטע מעלאנכאָלישע נאכט, וועלכע מענשען האָבען אזוי ליעב...

און אין דיא אָפענע פענסטער, צוזאמען מיט דיא זיסע טרעלען פון א פייגעלע א נאכטזינגערין, האָט זיך אריינגעטראָגען אן אונרוהיגער און שרעקליכער גערויש פון שטאָדט...

אין געסעל האָבען זיך בעוויזען מענשען.

דונקעלע, וויא שאָטענס האָבען זיי זיך ארויסגערוקט אין דער פינסטערער גאס און באלד פערשוואונדען. אָט איז איינער — נאָך איינער, א דריטער, און וויעדער איינער, א גרויסער, א דונקעלער, מיט שווערע טריט... אלץ געהט, און וויפיעל געהן עס אום אין דער פינסטערנייש....

אָט האָט מען א ריב געטהאָן א שוועבעלע. וויא א געלער פלעק האָט א לייכט געטאָן א פאררייכערטער פּאפּיראָס. איינער האָט איינעם עפּעס געזאָגט און מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אז איך האָב געהערט דעם פּיינטער'ס שטימע; דערנאָך איז וויעדער געוואָרען שטיל און שטום. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אז עס איז זעהר א לאנגע צייט פאַראיבער ביז עס האָבען זיך וויעדער בעוויזען מענשען. זיי זיינען געגאנגען צוריק, שנעל מיט פעסטע טריט.

איך האָב דיא גאנצע נאכט ניט געשלאָפען. ווען איך בין אויפגעשטאנען, איז שוין סקריפּקע געשטאנען אויפ'ן גאניק פון זיין הויז אין בלויען אָבגעטראָגענעם מונדיר מיט „פּאַגאָנעס" מיט א פאנאנדערגעשפּיעלטע הארץ און האָט גערעדט צו דיא פארבייגעהענדע פּיינטערס:

— נו, וואָס, חברה, איהר וועט באַלד הרג'ענען דיא „זשידעס“ ?

זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט אַלע זיעבען און געשוויגען. נור איינער האָט מיט אַן איראָניע געענטפערט :

— באַלד... אָבער יענע, וועלכע וועלען שלאָגען דיא זשידעס.

סקריפּקע איז געבליעבען שטעהן אויפ'ן גאַנעק מיט אַן אָפענעם מויל און מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע פיס. ער האָט עס ניט פערשטאַנען. דיא פּיינטערס האָבען זיך צולאַכט און זיינען אוועק זייער וועג.

מיין קעכין איז געקומען פון מאַרק.

— נוא, פּריץ, עס וועט גאָר ניט זיין....

זיא שטעהט א צופריעדענע און דערצעהלט דיא נייעס פון גאַס. זיא דערצעהלט, אז דער קאָנטראַקטאָר „פעאָדאָר“ האָט צוויי טעג געגעבען בראַנפען זיינע לייט, זיי זאָלען געהן אויף צוויי טעג הרג'ענען אידען. און ער וועט זיי נאָך פאַר דיא צוויי טעג אויך בעצאָהלען. ביי נאַכט האָבען דיא חברה געהאט א פערזאַמלונג...

—אָבער זיי האָבען א קליינעם טעות געהאט — דערצעהלט דיא קעכין ווייטער — זיי האָבען געמיינט, אז דיא ערדגרעבער וועלען זיין מיט זיי, אָבער ביי דיא ערדגרעבערס געפינט זיך "אונזערע„ און מען האָט ניט מסכים געווען. „און דיא“ — זיא האָט אָנגעוויזען אויף דיא פּיינטערס — האָבען אויך געהאט ביי נאַכט א מיטינג און האָבען בעשלאָסען דיא שטאָדט צו צוטהיילען אין קוואַרטאַלען און ביי יעדער אידישער הויז צו שטעלען מענשען און אויב מען וועט שלאָגען, זאָל מען שלאָגען דיא פּאָגראָמישטשיקעס....

אַפאָריזמען

פון אטא ווייס *)

צו דיא אלגעמיינע בעדירפניסע קען מען צורעכענען אויך דאס בעדירפניס ניט פערשטאַנען צו ווערען.

אויף דעם און יענעם האט מען אפט פאראיבעל פאר וואס זיי זיינען איז אמת'ן גאר ניט אזוי נאריש, וויא מען האלט זיי.

ניט איין שלים מזל איז שוין משוגע געווארען אויף דעם געדאנקען, אז ער איז א גרויסער מענש.

ווער עס ענטדעקט א אמת, וואס אלע קענען, דער ווערט א העלד אין דיא אויגען פון דיא מאסען.

איינער האט א גרויסע מעלה : ער רעדט א סך. דער אַנדערער האט א גרויסען חסרון : ער רעדט א סך.

קיין איינציגער האט נאך ניט דורכגעמאכט דיא רייזע פון לעבען נאך א פלאן.

ווער עס האט א גוטע שמיעה, דער קען אונטערשיידען צווישען א יא־ווארט, וואס מיינט ניין, און צווישען א ניין־ווארט, וואס מיינט יא.

אפט טראכט א מענש לאנג נאך, צו זאל ער זיך פיהלען בעליידיגט, אדער ניט.

א בוך קען ארויסרופען געגען זיך אזא פראטעסט, אז דיא גאנצע וועלט זאל איהם לייענען.

ווען דיא מענשען מיינען, אז מען קוקט אויף זיי ניט, דאן ציהען זיי אויף זיך ארויף אנאנדער צורה : זייער אייגענע.

כדי צו שרייבען קורץ, מוז מען האבען פיעל ווערטער.

געוויסע קריטיקער זיינען אזוי פארטהאן מיט דעם פארבעסערען דעם געשמאק ביי אנדערע, אז זיי הערען אויף צו זארגען וועגען זייער אייגענעם געשמאק.

דער אינהאלט פון יעדער רעדע בעשטעהט פון צ ו ו י י טהיילען : פון דאס, וואס איז געזאגט געווארען און פון דאס, וואס איז פערשוויגען געווארען.

קינדער זאגען ניט אזוי פיעל ליגען וויא ערוואקסענע : זיי זיינען נאך ווייניג ערצויגען.

עס לאזט זיך גאר ניט גלויבען : עס זיינען דא מענשען, וואס האבען חתונה, ווייל זיי ווילען לעבען א ר ו ה י ג ע ן לעבען!

*) פון בוך „אזוי זייט איהר“, געדרוקט אין שטוטגארט אין יאהר 1905.

אויף יענער זייט פון דער זונן

פון דר. ווילהעלם מאיר.

אלע נייע פאָרשונגען בעווייזען אלץ קלאָרער, אז דיא שטערן וועלכע מיר זעהען אויפ'ן הימעל זיינען אלע זונען, פון זעלבען ארט וויא אונזער זונן. מיר ווייסען עס היינט גאנץ געוויס, כאָטש זיי געפינען זיך פון אונז אויף א מהלך מיליאָנען מאָל ווייטער פון אונז וויא אונזער זונן.

דער ספעקטראסקאָפ (דער אינסטרו־מענט, מיט וועלכען מען קען נאָכזעהען און אויסמעסטען דעם פארבענבילד פון דער זונן) האָט בעוויעזען, אז יענע וועלטקערפּערס, וואָס לאָזען ארויס פון זיך דיא ווייסע ברענענדע שטראהלען, בעשטעהען פון דיזעלבע שטאָפען וויא אונזער זונן און אז דיא שטאָפען זיינען דאָרט זאָרטירט אין גלייכער אָרדנונג, וויא אין אונזער זונן. מען האָט אין זיי ענטדעקט א גאנצע רייהע פון אייגענשאפטען, וועלכע מיר געפינען אויך אין אונזער זונן.

פון דיא אלע פאקטען האָבען דיא חכמי הטבע גערדרונגען אז דיא אלע זונען האָבען צו ערפילען דיזעלבע אויפגאבע וויא אונזער זונן, ד. ה., יעדע פון זיי איז דער לייכטענדער מיטעלפונקט פאר א גאנצע מחנה פלאנעטען, וועלכע זיי געבען חיות דורך זייער לייכטענדער אין שטראהלענדער קראפט. אמת, מיר קענען ארום זיי ניט זעהן אזוינע פלאנעטען, וויא מיר זעהן ארום אונזער זונן. זיי זיינען צו ווייט פון אונז און אזוי וויא דיא פלאנעטען אליין זיינען ניט קיין לייכטענדע קערפער, נור זיי לייהען זייער ליכט ביי אנדערע, דערפאר איז אונמעגליך אז דיא ליכטיגקייט, וואָס בלאסקעט אָפּ פון זיי זאָל קענען דערגרעהן אזא ווייטען מהלך ביז אונז, אפילו מיט אונזערע בעסטע שפּאקטיוווען קענען מיר זיי ניט זעהען.

עס איז אבער דאָ איין פאל, ווען מיר קע־נען אויך זעהען ממש, אז יענע זונען האָבען בעגלייטער און אז דיא בעגלייטער זיינען לערך נאָך פון דערזעלבער גרויס און געפינען זיך אויף דעמזעלבען מהלך פון זייערע זונען, וויא דיא פלאנעטען פון אונזער זונן. דאָס איז דאן, ווען יענע בעגלייטער בעלייכטען זיך אליין, דאָס הייסט ווען זיי זיינען אליין אויך זונען. אזעלכע דאָפּעלטע און פיעלפאכע שטערן געפינען זיך אויפ'ן הימעל טויזענדער. זיי זיינען פעראייי־ניגט אויף פערשיעדענע אופנים. עס זיינען דאָ גאנץ ליכטיגע שטערן, לעבען וועלכע עס געפינען זיך גאר שוואך בעלויכטענע. מיר זעהען צוויי גלייך־לייכטענדע פונקטען איינע לעבען דיא אנדערע. דאָס זעהט מען צ. ב. ביים שטערן 61, וועלכער איז, אויף וויא ווייט מיר ווייכען, דער נאָהענטסטער שטערן צו אונז.

דער שטערן געפינט זיך פון אונז נור אויף א מהלך פון זיעבען ליכט יאהר, ד. ה., נור זיע־בען יאהר געדויערט ביז דאָס ליכט פון יענעם שטערן דערגרעהט צו אונז, כאָטש ליכט שניידט דורך 300 טויזענד קילאָמעטער אין א סעקונדע. עס זיינען אויך פאראן דרייפאכע שטערן, וועלכע געהערען צו דיא גלענצענדסטע אין הימעל. אין א סך פעלע קען מען אפילו ניט זעהען גענוי צו זיינען דיא אלע שטערען טאקע אין אמת'ן נאָהענט איינע צו דיא אנדערע, אדער אונז דאכט זיך דאָס? געגוי וויא ווייט איינער איז

פון אנדערען קענען מיר אין גאנץ וועניג פעלע אויסמעסטען. אבער ביי א גאנצע רייהע שטערן איז קיין שום ברעקעל ספק ניטאָ, אז זיי געהערען טאקע אין אמת'ן איינע צו דיא אנדערע, ווארום מען בעמערקט אז איינער פון זיי דרעהט זיך ארום דעם אנדערען, וויא אונזערע פלאנעטען ארום דער זונן. דיא בעמערקונג האָט פאר אונז אויך אנאנדער וויכטיגע בעדייטונג. זיא בעווייזט אונז אז דיזעלבע געזעצען פון שווערקראפט, וועלכע האָט געשאפען דיא אָרדנונג אין אונזער וועלט, הערשט אויך אין יענע ווייטע וועלטען.

צווישען דיא דאָפּעלשטערן זיינען דיא נאָהענטסטע צו אונז און דיא ווייטעסטע איינע פון דיא אנדערע דיא צוויי שטערן אלפא. פאר וואָס זיי קוקען אויס אזוי ווייט איינע פון דיא אנדערע קען מען לייכט פארשטעהן: ווייל זיי זיינען נעהענטער צו אונז,, דערפאר זעהען מיר בעסער דיא איינצעלנע טהיילען: מען האָט אויסגערעכענט, אז דער פלאנעט (שטערן) איז 25 מאָל אזוי ווייט פון זיין זונן, וויא אונזער ערד פון אונזער זונן. מען האָט אויך אויסגערעכענט, אז דער כח און דער חומר פון יענעם שטערן זיינען ניט פיעל גרעסער וויא פון אונזער זונן. 81 יאָהר דויערט ביז יענער שטערן דרעהט זיך ארום זיין זונן.

דיא קירצעסטע צייט, וואָס נעהמט ביי דאָפּעלשטערנס זיך ארומצודרעהען ארום זייערע זונען איז עלף און א האלב יאָהר. דיא אנדערע בעגלייטער, וואָס שטעהען נעהענטער צו זייערע זונען קענען מיר ניט בעמערקען, ווייל צוליעב זייער נאָהענטקייט קומען זיי אויס אין אונזערע אויגען וויא טהיילען פון זייער זונן. אבער וואָס בעסערע שפאקטיוון מען געפינט אויס אלין נעהענטער בעגלייטערס געפינט מען ביי דיא שטערן, און מען זאָגט איצט זיכער, אז שטערן אָהן בעגלייטער קומען פאָר זעהר זעלטען. כמעט פון אלע זונען האָבען זיך אָבגעזונדערט בעזונדערע קערפער, וועלכע וועלען מיט דער צייט ווערען פלאנעטען, אזוי וויא זיי ווערען גיכער אָבגעקיהלט.

יענער וואונדערבארער אינסטרומענט, דער ספעקטראסקאָפּ, וועלכער צולעגט דיא ליכט פון דיא שטערן אויף איינצעלנע טהיילען אזוי, אז מען קען זיי זעהען איינע לעבען דיא אנדערע וויא פארביגע ליניען, ער האָט אונז נאָך טיעפער געלאָזט אריינקוקען אין דיא סודות פון דיא שטערן. מען בעמערקט אויף געוויסע שטערן אין געוויסע צייטען דאָפּעלטע ליניען, און דאָס האָט געגעבען דיא אסטראָנאָמען דיא מעגליכקייט אויסצורעכענען וויא שנעל די שטערן בעוועגען זיך און אויסצורעכענען אזוי גענוי זאָגאר וויא פיעלע קילאָמעטער אין א סעקונדע זיי מאכען. מיר קענען דערקענען וואוהין דיא שטערן בעוועגען זיך, צו נעהענטער צו אונז אָדער ווייטער פון אונז. דיא צייט פון זייער ארומדרעהען זיך ארום זייער אקסע איז פערשיעדען, פון 282 טעג ביז עטליכע טעג. מען האָט געפונען, אז דיא שנעלקייט פון דער בעוועגונג איז פערשיעדען ביי פערשיעדענע שטערנס. איינע לויפען דורך 75 קילאָמעטער א סעקונדע, אנדערע פיעל וועניגער, דורכשניטליך רעכענט מען 30 קילאָמעטער אין א סעקונדע.

קיין שטערן שטעהט ניט שטיל אויפ'ן הימעל. דער נאָמען „פיקסשטערן" (פיקס איז דען טייטש פעסט, שטענדיג, ניט פערענדערט), וועלכען מען האָט געגעבען דיא גרויסע שטערן איז א פאלשער. עס זיינען דאָ צווישען זיי שטערן, וועלכע האָבען אין פערלויף פון דיא 2000 יאָהר זייט דיא אסטראָנאָמען האָבען זיי בעשריעבען, געענדערט זייער פלאַץ אין הימעל. מען קען אפילו מיינען, אז דיא ליכטיגסטע שטערן בעוועגען זיך שנעלער פאר אלע אנדערע און דער שכל וואָלט עס מחייב זיין, ווייל וויבאלד אז זיי לייכטען מעהר זיינען זיי דאָך — אזוי קען מען רעכענען — מן הסתם נעהענטער צו אונז. און דערפאר זעהען מיר זייער בעוועגונג בעסער. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. דיא ליכטיגסטע שטערן זיינען ניט דיא נאָהענטסטע. אויף דעם זיינען דאָ פיעלע בעווייזע. און אזוי מוזען מיר קומען צו אנאנדער שלוס, אז דיא ווייטע ליכטיגסטע שטערן זיינען פיעל מאָל גרעסערע, פיעל מאָל מעכטיגערע זונען, דערפאר דערגעהט זייער ליכט זאָגאר צו אונז, אזוי העל. עס איז אויסגערעכענט געוואָרען, אז געוויסע שטערן לויפען מיט א שנעלקייט פון 670 קילאָמעטער א סעקונדע, דאָס הייסט, טויזענד מאָל שנעלער, וויא אונזערע שנעלסטע קוילען. מיר דארפען זיך ניט וואונדערן אויף דעם. מיר דארפען ניט פערגעסען אז מיר מיט אלע אונזערע בעגריפע, מיט אונזער ערד צוזאמען, זיינען פיצינאָנציקע חיה'לעך אויף א קליינינקען קערנדיל אין פערגלייך צו די גרויסע וועלטען. און דערפאר טאָרען מיר יענע גרויסע וועלטען ניט מעסטען מיט אונזער קליינציקער מאָס. מיר קענען אין

אמת'ן זיך גאר ניט פארשטעלען, וואס פאר א געוואלטיגע כחות עס ארבייטען אין דער נאטור.

און אט אזוי זעהען מיר, אז יעדערע פון דיא אלע זונען מיט אלע גרעסערע און קלענערע קערפערס, וואס געהערען צו זיי, בעוועגען זיך וויא איין איינציגער קערפער. נאך מעהר עס עקזיסטירען גאנצע גרופען פון זונען, וואס בעוועגען זיך אין דערזעלבער ריכטונג. זיי געהען דעמזעלבען וועג און, וויא עס ווייזט אויס, שטאמען זיי פון איין קוועלע. אנדערע געהען בעזונדערע וועגען.

אבער אלעס געהט, אלעס בעוועגט זיך. קיין זאך רוהט ניט, אויך ניט דיא שטערן. אלעס ענדערט זיך דאס איז איין זאך וואס אונז לערנט דער הימעל מיט זיינע שטערן.

און נאך א זאך לערנען מיר. כאטש אלעס בעוועגט זיך, אלעס ענדערט זיך, דאך הערשען איבעראל, אפילו אין יענע ווייטעסטע וועלטען, דיא זעלבע נאטורגעזעצען, דיזעלבע נאטור־ארדנונג. א גרויסע אלגעמיינע איינהייט לייכט אראב פון ווייטען הימעל אויף דעם תהו ובהו פון אונזער קליינינקער ערד.

ווען איז פאליטישע עקאנאמיע געווארן א וויסענשאפט?

דיא ווירטשאפטליכע ענטוויקלונג ביז צום 16טען יאהרהונדערט.

פאליטישע עקאנאמיע, אלס א וויסענשאפט, האט זיך ערשט אנגעהויבען צו ענטוויקלען איז 18טען יאהרהונדערט. אפילו אין די אלטע קלאסישע צייטען פון רוים און גריכענלאנד, וואו די קולטור האט דערגרייכט אזא הויכע מדרגה פון ענטוויקלונג און וואו דעם מענשענס גייסט איז געווען אזוי פיעלפאכיג אויסגעבילדעט — אפילו דארט איז אויך פון פאליטישע עקאנאמיע כמעט קיין זכר ניט געווען. די אורזאכען זיינען געלעגען אין דער אלטער ארדנונג פון וויסענשאפטליכען לעבען און אין דער פארמע פון פראדוקציאן — (פון שאפען פראדוקציאן), וועלכע עס האט דעמאלט עקזיסטירט.

אין יענע צייטען איז די געזעלשאפטליכע געביידע געווען געבויט אויף'ן פונדאמענט פון נאטוראל־ווירטשאפט — ד. ה., אזא וויסענשאפטליכע סיסטעם, וואו די בעדערפניסען פון מענשען ווערען בעפריעדיגט מיט די פראדוקטען פון דער אייגענער ארבייט, אדער מיט דער ארבייט פון דער פאמיליע און הויזגעזינד. דאס גאנצע געזעלשאפטליכע לעבען איז געווען צושפאלטען אויף קליינע ווירטשאפטליכע גרופען, וועלכע האבען געלעבט אין גאנצען אבגעזונדערט איינע פון דער צווייטער, אהן שום שייכות צווישען זיך.

אין גריכענלאנד האט יעדער הויז־געזינד בעשאפען ניט נור א גרויסען טהייל פון איהרע פראדוקטען צום אייגענעם געברויך, זאנדערן אלע פראדוקטען, וועלכע עס האט נויטיג געהאט. דער טויש (אויסבייטען זאכען אויף זאכען) איז נאך גאר ניט געווען ענטוויקעלט. ווען שפעטער, ביי די רוימער, האט דער טויש אפילו יא זיך אנגעהויבען צו ענטוויקלען, איז ער דאך פארט געווען גאנץ אונבעדייטענד, און האט פערנומען זעהר א קליינעם ארט אין גאנצען וויסענשאפטליכען לעבען. די וויכטיגסטע לעבענס־פראדוקטען זיינען געשאפען געווארען ביי זיך אין דער פאמיליע — געקויפט אדער געטוישט האט מען נור דיא לוקסוס־זאכען. דער גאנצער טויש איז געווען צופעליג, ניט שטענדיג און ניט אומעטום. דער קרייז פון די ערשיינונגען איז וויסענשאפטליכען לעבען איז, אויף דעם אופן, געווען זעהר א ענגער. די בעציהונגען פון איין מענשען צום צווייטען זיינען געווען איינפאכע, פראסטע. יעדער האט עס פערשטאנען און עס איז גאר קיינעם ניט איינגעפאלען אין קאפ צו פרעגען: „פאר וואס איז דאס אזוי און ניט אנדערש“? עס איז אין דעם דאמאלסדיגען ווירטשאפטליכען לעבען ניט פארגעקומען אזעלכע אונפערשטענדליכע, (ניט בעגרייפליכע) ערשיינונגען, וועלכע זאלען צוציהען צו זיך דעם מענשענס דורכדרינגענדען, ערפארשענדען בליק.

עס איז געווען נאך א'ן אורזאכע, פאר וואס די וויסענשאפט האט אין די קלאסישע צייטען זיך ניט ענטוויקעלט — דאס איז די שקלאפען־ארבייט. ווי עס איז בעוואוסט, איז די גאנצע ארבייט פון שאפען פראדוקטען אין די אלטע צייטען געלעגען אויף די שקלאפען. זיי, די שקלאפען, האבען אליין געפיהרט דעם גאנצען קאמפף מיט דער נאטור, און געפיהרט דעם קאמפף האבען זיי אויטאמאטיש, אהן איבער־

לעגונג, אהן שכל, ווי אלע מענישען, וועלכע ארבייטען, ניט ווייל זיי ווילען, נור ווייל זיי מוזען, ווייל זיי זיינען געצוואונגען. עס פערשטעהט זיך, אז די שקלאפען האבען זיך קיינמאל ניט אבגעגעבען קיין דין וחשבון פון זייער ארבייט און איבערהויפּט פון דער ווירטשאפט; דערצו האבען זיי ניט געהאט קיין צייט און ניט קיין אינטערעס. אויך זיינען זיי גייסטיג געשטאנען גאנץ ניעדריג. דער גייסטיגער דענק־אפּאראט איז ביי די שקלאפען געוועזן ווי געלעהמט, דורך די שווערע ארבייט. זיי זיינען געוועזן ערניעדריגט ביז דער שטופע פון איינפאכע בהמות. די פרייע בירגער, וויעדער, זיינען ניט געוועזן די שאפער פון די פּראדוקטען, נור די פערברויכער: זיי פלעגען פערטהון דאס, וואס די שקלאפען פלעגען שאפען. מיט'ן שאפען האבען זיך די פרייע בירגער וועניג וואס געקימערט. דאס איז זיי אלס פרייע בירגער, ניט אנגעשטאנען, זיי האט ניט געפּאסט צו בעשעפטיגען זיך מיט ארבייט, וועלכע עס טהון שקלאפען. האבענדיג אומזיסטע שקלאפען צום שאפען פּראדוקטען, האט דער פרייער מענש אין די קלאסישע צייטען זיך אין גאנצען וועניג וואס אינטערעסירט מיט די פאקטען און די ערשיינונגען פון דיזע זייטען פון דער געזעלשאפטליבער ארבייט.

דער מיטעלאלטער, דאס הייסט די עפּאכע פון דער געשיכטע וועלכע האט זיך אנגעהויבען נאכדעם ווי רוים צוזאמען מיט די אלטע קולטור זיינען חרוב געווארען, איז געוועזן נאך וועניגער גינסטיג דערצו, אז עס זאל זיך ענטוויקלען די וויסענשאפט פּאליטישע עקאנאמיע. די סיסטעם פון נאטוראל־ווירטשאפט האט ניט אויפגעהערט צו עקזיסטירען אין מיטעלאלטער. דער גייסטיגער בליק פון אונטערדריקטען פויער אין דער פעאדאליסטישער ארדנונג, וואס האט געהערשט אין מיטעלאלטער איז ניט געוועזן ברייטער ווי ביים אלטען רוימישען שקלאף. דערצו נאך איז דער פעאדאל, אדער פריץ, אליין, וועלבער האט גע'ירש'ט דעם אלטען רוימישען פרייען בירגער, אויך געווארען גייסטיג אונטערדריקט. די פערשיעדענע ווירטשאפטליכע גרופּען זיינען נאך געווארען מעהר אבגעזונדערט איינע פון די אנדערע. דער שטאאט (די מלוכה), דאס גאנצע פּאליטישע לעבען, וואס האט פריהער, אין די קלאסישע צייטען, פעראייניגט אין זיך די איינצעלנע גרופּען און האט געדיענט אלס פערבינדונגס־רינג פון אלע איינוואהנער אין לאנד, איז אין גאנצען בטל געווארען, און אנשטאט דעם האבען זיך געבילדעט פיעלע פעאדאליסטישע גרופּען, וועלכע האבען שטענדיג געקעמפּפט צווישען זיך. יעדער פעאדאל האט אין זיין גרופּע געפיהרט א בעזונדערען פּאליטישען לעבען (אויב מען קען איבערהויפּט דאס בעצייכענען מיט דיעזען נאמען). די מאטעריעלע און גייסטיגע אינטערעסען פון דאמאלסדיגען מענשען זיינען ניט ארויסגעגאנגען אויסער דער גרופּע. דער פרייער אונטערנעהמונגס־גייסט איז געוועזן איינגעקלאמערט אין די אייזערנע צוואנגען פון די קליינינקע גרופּען־אינטערעסען. די שטענדיגע מלחמות און רייסעריייען וואס פלעגען פּארקומען צווישען די פערשידענע פעאדאלען, האבען איבערהויפּט ניט צוגעלאזען צו דענקען וועגען די אלגעמיינע אינטערעסען פון דער פּראדוקציאן.

דער קריסטענטהום האט אפילו פון איין זייט געקעמפּפט מיט די רוימישע אויפפאסונגען וועגען די ארבייט און ארבייטער, און האט, פערקעהרט געפּאדערט ליעבע און אכטונג צו די, וועלכע שאפען פּראדוקטען מיט זייער שווייס און בלוט, אבער פון דער צווייטער זייט האט דער קריסטענטהום געפּרעדיגט, אז דער מענש דארף זיך בכלל ניט קימערן וועגען עולם הזה, ער מוז נאר זעהן צו זארגען וועגען עולם הבא. דיזער קריסטליכער אסקעטיזמוס (די אידעע זיך פון אלץ אבצוזאגען און ניט צו זוכען אויף דער וועלט קיין פערגניגען), וועלכער איז געוועזן אפילו אליין א פּראדוקט פון יענע אומשטענדען, האט אבער פון זיין זייט אויך געווירקט אויף די מענשען, דאס מען האט זיך ניט בעשעפטיגט מיט גשמיות, מיט די רעאלע ערשיינונגען פון וויסענשאפטליכען לעבען. דעם מענשענס אידעאל איז געוועזן אין הימעל און ניט אויף דער ערד. דאס בעשעפטיגען זיך מיט די ערדליכע עקאנאמישע אינטערעסען האט זיך גערעכענט פאר דעם גרעסטען חטא.

אין צווייטען העלפט פון מיטעלאלטער נאך די קרייצציגע (מסע צלם) האט זיך דער מסחר אפילו יא אנגעפאנגען צו ענטוויקלען. עס האבען זיך געגרינדעט שטעדט, וואו עס האבען געוואהנט כוהרים און בעלי־מלאכות. אבער דיזע ענטוויקלונג איז געוועזן א'ן אונבעדייטענדע. די בעשרענקונג פון פרייען מענשליכען אונטערנעהמונגס־קראפט וועלכע איז געוועזן אזוי שטארק אין דארף, האט ניט אויפגעהערט צו ווירקען אויך אין שטאדט. דער איינוואהנער פון שטאדט האט אויך ניט געהאט די מעגליכקייט

אויסצונוצען זיינע פעהיגקייטען און קרעפטען. יעדער האט זיך געמוזט רעכענען מיט די פאדערונגען פון דער גרופע. טויטע, פערשטיינערטע פארמען האבען געהערשט איבער'ן לעבעדיגען מענשען. אין די שטעדט האבען אומעטום עקזיסטירט די צעכען, וועלכע האבען אנגעוויזען יעדען בעזונדערס, וואס, וויפיעל און ווי ער זאל ארבייטען. דער ארבייטער איז געווען געבונדען אין זיין טהעטיגקייט דורך די פארשריפטען פון די צעכען.

די לאנגזאמע, אונבעדייטענדע ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און טעכניק, די אלטע, אונבעוועגליכע, אונפערענדערליכע פארמען פון לעבען אין דער געזעלשאפט — אט דאס איז די לעצטע און די וויכטיגסטע אורזאכע, פאר וואס דעם מענשענס פערשטאנד האט זיך אין מיטעלאלטער ניט פארגענומען אויסצופארשען די געזעלשאפטליכע ערשיינונגען אין ווירטשאפטליכען לעבען. שטענדיגע ערשיינונגען, מיט וועלכע מען בעגעגענט זיך טאג־טעגליך, קומען אויך דעם מענשענס אויג און פערשטאנד אזוי איינפאך, דאס עס פאלט גאר ניט איין צו פרעגען, פארוואס עס איז אזוי. מען ווייס גאר ניט, אז עס קען איבערהויפט אנדערס זיין. דעם מענשענס פארשענדע אויג שטעלט זיך גראדע אב אויף די ערשיינונגען, וועלכע קומען ניט פאר שטענדיג, מיט וועלכע דער מענש איז נאך ניט געוואהנט. פון די נייע, ביזהער אונבעקאנטע, ערשיינונגען זוכט די פארשונג די אורזאכען אין דעם פערבונד. און דעריבער איז קיין וואונדער ניט, אז פאליטישע עקאנאמיע, וואס ערפארשט די אורזאכען פון די ערשיינונגען אין ווירטשאפטליכען פאלקס־לעבען, די בעציהונגען פון איין מענשען צום צווייטען אין'ם קאמפף מיט דער נאטור — אז דיזע וויסענשאפט האט זיך ניט געקענט ענטוויקלען כל זמן דיזע ווירטשאפטליכע ערשיינונגען האבען אויסגיזעהן אין לעבען אונפערענדערט.

שטענדיג פערפעסטיגט, פערגליווערט האט אויסגעזעהען דער מיטעלאלטערליכער לעבען. אבער דאס איז נור געווען לפנים. ביסלעכווייז, לאנגזאם האט דער פראצעס פון ענטוויקלונג געטאן זיין ארבייט. די בעפעלקרונג האט געוואקסען, מענשען האבען זיך פערמעהרט און די פראדוקטען, וואס זיינען צו יענער צייט נאך אלין געשאפען געווארען דורך די איינפאכע, ניט אויסגעבילדעטע געצייג, מיט וועלכע די מענשהייט האט געפיהרט דעם קאמפף פאר די עקזיסטענץ אין מיטעלאלטער, האבען מיט דער צייט אנגעהויבען צו ווערען ווייניג פאר די גאנצע בעפעלקערונג. מען האט אנגעפאנגען פעסט צו פיהלען א בעדירפנים אין נייע קוועלען פון חיונה. די שרעקליכע עקספלואטאציע פון דער קאטאלישער קירכע, וואס האט אונבעגרענצט געהערשט אין יענער צייט, האט די ארמוטה נאך מעהר פערשטארקט: א טהייל פון דער בעפעלקערונג האט איינפאך ניט געהאט פון וואנען זיך צו ערנעהרען. עס איז געווארען א'ן „איבערבעפעלקערונג“, ד. ה., דער דאמאלסדיגער צושטאנד פון דער פראדוקציאן האט ניט געשאפען אזוי פיעל פראדוקטען, וויפיעל די בעפעלקערונג האט נויטיג געהאט. דער הונגער האט געצוואונגען די מענשען צו פערלאזען זייער היים און צו זוכען נייע לענדער, נייע פלעצער פון וואנען מען זאל קענען ציהען די חיונה. די ערשטע פראבע איז געווען די קרייצציגע און שפעטער — די פעלקערבעוועגונג אין מיטעלאלטער. די גרינדליכע היסטארישע פארשונג ווייזט קלאר, אז די ערשטע אורזאכען פון די קרייצציגע זיינען ניט געווען רעליגיעזע, נור עקאנאמישע. ניט דער פאנאטיזמוס האט אויפגעהויבען אזעלכע גרויסע מאסען צו פערלאזען זייער היים, זייערע שטענדיגע וואהנונגס־ערטער און וואנדערן אין ווילד־פרעמדע לענדער, נור די נויט, דער הונגער האט דערצו געבראכט. דער רעליגיעזער פאנאטיזמוס איז נור געווען די אויסערליכע פארמע, אין וועלכער דער אינסטינקט פון זעלבסטשוטץ האט זיך צו יענער צייט אנגעקליידעט.

און אין אמת'ן האבען טאקי די קרייצציגע געהאט א גרויסע היסטארישע בעדייטונג אין וויסענשאפטליכען לעבען. ניט־ווילענדיג האבען זיי אנגעהויבען דורכצוברעכען די וועגד פון דעם נאטורעל־ווירטשאפטליכען סיסטעם, אין וועלכען עס זיינען געווען אנגעשלאסען מענשען פון יעדער גרופע, פון יעדען פעדאל. פון די קרייצציגע אן האבען זיך אנגעהויבען צו טרעפען מענשען פון פערשידענע לענדער און האבען אנגעפאנגען צו פיהרען מסחר צווישען זיך. דער פערקעהר צווישען די מערב־ און מזרח־לענדער איז געווארען עפטער און גרעבער. די ערטער, וואו עס פלעגען זיך צוזאמענטרעפען די סוחרים מיט זייערע סחורות פון פערשיעדענע לענדער, זיינען געווארען האנדעלס־שטעדט. די ענטוויקלונג פון די שטעדט בכלל האט זעהר פיעל צו פערדאנקען די קרייצציגע. די שטעדט,

וואָס האָבען זיך געבילדעט פון די סוחרים און פרייע בעלי מלאכות, זיינען זעהר פיעל אונטער־שטיצט געוואָרען פון די קעניגע, וועלכע האָבען געוואָלט דערמיט אבשוואַכען די אונבעגרענצטע מאַכט פון די פעאָדאַלען. די קעניגע האָבען גע־שאָנקען די שטעדט זעלבסטשטענדיגקייט. דאָס האָט געהאָלפען די שטעדט אין קאַמפף, וועלכען זיי האָבען געפיהרט מיט די פעאָדאַלען. די שטעדט האָבען געזיעגט, זיך ענטוויקעלט און געוואַקסען. די רעזולטאַטען זיינען געווען גרויסע. דורך דעם אָפטען פערקעהר פון פער־שיעדענע מענשען מיט פערשיעדענע איבערציי־גונגען איז דער גייסטיגער האָריזאָנט פון די מענשען אלײן מעהר און מעהר אויסגעברייטעט געוואָרען. דער אָפטער פערקעהר האָט אויך געפאָדערט מען זאָל אויסבעסערען די וועגען אויף'ן ים און אויף דער יבשה. דאָס איז געשעהן. די אויסגעבעסערטע פערקעהר־מיטעל האָבען נאָך מעהר פערלייכטערט די אויסוואַנדערונגען, וועלכע זיינען געוואָרען אין ענדע פון מיטעל־אַלטער א זעהר געוועהנליכע זאַך. דיזע אויס־וואַנדערונגען און פערזוכען צו געפינען נייע לענדער האָט זיך געענדיגט, ווי עס איז בע־וואוסט, אין יאָהר 1492, מיט די ענטדעקונג פון אמעריקא.

דיא זריעה פון די גרויסע פערענדערונגען אין ווירטשאַפטליכען לעבען, וואָס איז גע־זייט געוואָרען אין די ערשטע פעלקער־בעוועגונ־גען, דורך דיעזען היסטאָרישען פאַקט, האָט זיך אנגעפאַנגען געשווינד צו ענטוויקלען און האָט פערנומען אלײן א גרעסערען באָדען אונטער זיך. דורך די ענטוויקלונג פון אמעריקא האָט זיך די אינדוסטריע און האַנדעל זעהר פערשפרייט. די נאַטוראַל־ווירטשאַפט, וואָס האָט אין מיטעל־אַלטער געהערשט אפילו ביים רוב פון דער שטעדטישער בעפעלקערונג, האָט אנגעפאַנגען אלײן מעהר און מעהר צו פערשווינדען און אב־געבען איהר פּלאַץ דער פאָרמע פון טויש־ווירט־שאַפט. אמעריקא איז געוואָרען א גרויסער מאַרק, וואו מען האָט פערווענדעט אייראָפּעער סחורות. פון דער אַנדערער זייט האָט אמעריקא געליפערט נאָך אייראָפּא רויהע מאַטעריאַל. עס האָט זיך איינגעשטעלט א שטענדיגער, רעגעל־מעסיגער פערקעהר צווישען אייראָפּא און אמעריקא. די אייראָפּעאישע שטעדט, וועלכע האָבען פריהער געאַרבייט פאַר א קליינעם בע־שרענקטען מאַרק, זיינען פערוואַנדעלט געוואָ־רען אין גרויסע יריד־שטעדט פאַר אמעריקאַנישען מאַרק. אין לעבען האָט אנגעהויבען צו רעגיערען א נייער פאַקטאָר — געלד. אין דער געזעלשאַפט, וואו עס האָבען ביז איצט געהערשט די גרונד־בעזיצער — די פעאָדאַלען, האָבען אנגעפאַנגען צו שפּיעלען א גרויסע ראָלע א נייער קלאַס מענשען, פון וועל־כען די געשיכטע האָט נאָך ניט געוואוסט — די געלד־אַריסטאָקראַטיע. דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען האָט זיך אנגעהויבען שנעל צו ענטוויקלען. די בעציהונגען צווישען מענשען זיינען געוואָרען גאַנץ אַנדערע, ווי אין מיטעלאַלטער. אויף דער ביהנע האָט זיך שוין בעוויזען דער קלאַס אר־בייטער — מאַנופאַקטור־אַרבייטער.

דיעזע אַלע פערענדערונגען האָבען געפאָר־דערט א'ן ערקלעהרונג. די אַלע נייע פאָרגענגע אין פּראַקטישען לעבען האָבען געבעטען א טעאָרעטישע בעגרינדונג — און עס האָט זיך אנגעהויבען צו בילדען די וויסענשאַפט פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

עס איז געווען נאָך א'ן אורזאַכע וואָס האָט געצוואונגען אין יענער צייט די גייסטיגע קרעפ־טען פון דער געזעלשאַפט אויסצופאָרשען די ער־שיינונגען פון וויסענשאַפטליכען לעבען. ווי מיר האָבען שוין פריהער דערמאַנט, האָט די ענט־דעקונג פון נייע לענדער און דורך דעם, וואָס עס האָבען זיך געגרינדעט נייע גרויסע שטעדט, אבגעשוואַכט און מבטל געווען די הערשונג פון די פעאָדאַלען. די וועגד, וועלכע האָבען אב־געטיילט איין גרופּע פון דער צווייטער, זיינען חרוב געוואָרען, און אויף זייער אָרט האָבען זיך גענומען ענטוויקלען שטאַאַטען, אין וועלכע עס האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען די אַלע ביזהעריגע פעאָדאַלע גרופּען. אזעלכע גרויסע שטאַאַטען האָבען אַרויסגעשטעלט נייע אויפגאַבען, אויף וועלכע די פערוואַלטונג האָט געמוזט געבען א'ן ענטפער. דאָס לעבען האָט אוועקגעשטעלט בעדערפנישען, וועלכע האָבען געפאָדערט א באַלדיגע בעפריעדיגונג. אום צו שאַפען אונטער זיך א פעסטען באָדען אין אייראָפּא, האָט די רע־גיערונג געמוזט זאָרגען, דאָס דער שטאַאַט זאָל זיין רייכער — דאָס האָט געטריעבען צו געפינען די אורזאַכען פון רייכטום און אָרמוט, צו ברענ־גען אין א סיסטעם, אין א'ן אָרדנונג די אַלטע און אויפזוכען נייע קוועלען, ווי צו בעפריעדיגען די אַרויסגערוקטע בעדערפנישען נאָך רייכטום

א. ש. זאַקס

אייגוסט קאָמט*).

(נאַך עלבערט האַבאַרד).

אוגוסט קאמט איז געבארען געוואָרען אין מאנפעליע (פראנקרייך) אין יאהר 1798. זיין פאָטער האט בעזעסען א פיינע רעגיערונגס־שטעלע, כאטש ער איז געווען א גאנץ פראסטער מענשעל.

זעלטענע פעהיגקייטען האט ארויסגעוויעזען דער אינגעל אוגוסט. דאך האבען דיא עלטערן ווייניג וואס געטהאן צו ענטוויקלען זיינע פעהיגקייטען. אויב דיא עלטערן האבען געהאט א חלק אין זיין גרויסקייט, איז עס געווען נאר דערמיט וואס זיי האבען איהם געדיענט אלס א מאָדעל, פון וועלכען ער האט זיך געלערנט צו דענקען פערקערט, און צו טהאן פונקט קאפויר, וויא מען האט איהם געהייסען.

ווען מיר לעזען דיא ביאגראפיען פון גרויסע מענער, געפינען מיר אז מעהרסטענטיילס זיינען זיי קליינערהייט עהנליך צו פיעלע אנדערע קינדער, און ווייזען ניט ארויס קיין גאונות.

קאמט איז געווען אן אויסנאהמע.

צו ניין יאהר האט ער שוין בעזעסען א שטארקען ווילען זיך אויפצופיהרען ווי א „גרויסער", „צו ווערען א מענש." ער איז געווען זעהר א קליינינקער אין וואוקס, האט ניט געהאט קיין זאך אין זיין געשטאלט וואס זאל ציהען צו איהם, און האט פערמאגט א זעלטענע תשוקה צו זאמלען פאקטען.

צו צוועלף יאהר איז שוין זיין קאפ געווען פול מיט דער אידעע אז אונזער גאנצער סאציאַלער לעבען טויג אויף כפרות. ער האט דיא עלטערן און דיא לעזער איבערגעשראקען אייך טוידט מיט דער ערקלערונג אז דיא וועלט וועט ניט פערבעסערט ווערען ביז דיא מענשהייט וועט קומען צום בעוואוסטזיין, אז היסטאריע, שפראכען און דיא לעהרען פון מאראל און פון געטליכקייט (טהעאלאגיע) זיינען פון גאנץ קליינעב ווערט; און אז אזוי לאנג וויא מענשען רופען דאס בילדונג און גיבען זיך אפ מיט דעם, איז ניטא קיין האפנונג פאר דער מענשליכער ראסע.

מען האט זיך גענומען צום קאנטשוק, מען האט געוואלט ארויסשלאגען ביים אינגעל דיא משוגעת פון קאפ. אבער עס האט ווייניג געהאָלפען. — עס האט נאך פערשטארקט ביי איהם דאס וואס ער האט גערופען, זיינע איבערצייגונגען.

ער האט געלעזען ביכער וואס האבען פערמאטערט דיא מוחות פון עלטערע מענשען, און איז געווען פעראינטערעסירט אין אלעם וואס איז שווער, פערפלאנטעט, בעהאלטען.

ווען ער איז אלט געווען דרייצעהן יאהר — דיא צייט ווען דיא יונגע חברה־לייט זיינען זעהר גלויביג—איז דיזער מערקווירדיגער בחור'ל שוין געווען א פאלקאמענער אפיקורוס. מיט'ן גלח פון שטעדטעל האט ער זיך גענומען דעבאטירען וועגען דעם, צו מיר האבען א פרייען ווילען; און זונטאג פלעגט ער אפט אויפשטעהן אין קירכע און ווידערשפרעכען דעם הייליגען מאן.

דיא עלטערן האבען דיא גאנצע צייט געזוכט פלענער וויא אזוי איהם צו ענדערן; און, אלס א לעצטען מיטעל, האבען זיי איהם אוועקגעשיקט אין דער פאליטעכנישער שוהלע אין פאריז, אין דיא בעריהמטע שוהלע, וועלכע נאפאלעאן האט געגרינדעט אלס א רעגיערונגס־אינסטיטוציאן.

דיא אינסטיטוציאנען, דיא אוניווערסיטעטען שטעהען געוועהנליך ניט פיעל העכער פון דער גרויסער מאסע. און אין יענער צייט, אין 1814, איז דיא פאליטעכנישע שוהלע געווען דורכגעדרונגען מיט דיא לעהרען פון דיא קאטוילישע גייסטליכע.

דיא סטודענטען, מיט קאמט אלס אנפיהרער, האבען זיך שטילערהייט געפלאנעוועט א בונט; און אין א שעהנעם פריהמארגען, ווען א געוויסער פראפעסאר האט זיך בעוויזען, האט מען איהם מקבל פנים געווען מיט א פייפעריי, און אין זיין געלעהרענטען קאפ האבען גענומען פליהען ביכער, שטיקער קרייד, פלעשלעך טינט.

*) זעה דעם בילד זייטע 2.)

און וועז אנדערע פּראָפעסאָרען האבען זיך אריינגעמישט, איז געוואָרען א ריוואַט. ביינק זיינען געפלויגען אין דער לופטען, פענסטער זיינען צושמעטערט געוואָרען, — און דער פועל יוצא איז געווען, אז דיא דירעקטאָרען האבען קיין בעסערען מיטעל ניט געפונען, וויא צו פערשליסען דיא שוהלע.

אוגוסט קאָמט איז געקומען אהיים מיט דעם געפיהל פון א זיעגרייכען העלד. אויף איין באק האט ער געהאט א גרויסען שניט; א שטיקעל נאָז איז איהם געווען אָבגעהאקט, און מיט א ערנסטער מינע האט ער ערקלערט: „דיא קירכע און איהר לעהרע האבען געקריגען א טוידט־קלאַפּ“.

געגען דעם בעפעהל פון דיא עלטערן, האט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין פאריז. אכטצעהן יאָהר איז ער שוין אלט געווען. ער האט בעשלאָסען צו פערשרייבען דיא ווארהייטען, אין וועלכע ער האט זיך איבערציינט, און, אגב אורחא, צו מאכען א לעבען פון געבען שטונדען אין מאַטעמאטיקס.

דעם יונגען מאַן'ס חריפות, זיין שארפזיניגקייט, האט איהם פערשאפט א נאָמען אין פאַריז. ער האט בעזוכט וויסענשאפטליכע פאָרטרעגע און דיסקוסיאָנען. מען האט איהם שטענדיג געקאָנט טרעפען אין קרייזען וואו גרויסע טרעמאס זיינען געווען אויפ'ן טאגעס־אָרדנונג.

בענדזשאמין פרענקלין, אמעריקא'ס גרויסער דענקער, איז געווען זיין אידעאל. אין זיין נאָטיץ־ביכעל האט ער פערשריעבען פאלגענדעס: „פרענקלין האט צו פינף און צוואנציג יאָהר בעשלאָסען, אז ער מוז ווערען א גרויסער און געלערנטער מאַן, איך שוועהר דאס זעלבע צו מיין צוואנציג יעהריגען געבורטסטאָג“.

פרענקלין'ס ארעמער ארט לעבען — דאס אסקעטישע אויפפיהרונג, דער פייניגען דעם גוף, איז איבערהויפּט געפעלען געווען קאָמט'ן. ער האט געלעבט אין אן ענגען קעמעריל, מיט צוויי מאָלצייטען א טאָג, און איז געווען גליקליך מיט'ן בעוואוסטזיין, אז דאס אלעס האט איהם ניט אָבגעהאלטען פון צו דענקען און שטודירען.

א פריינד, ניט וויסענדיג פון דער בעפריעדיגונג וואס קאָמט האט געפונען אין זיין ארט לעבען, האט רחמנות געהאט אויף איהם און איהם אָבגעזוכט א שטעלע אלס לעהרער אין אן אריסטאָקראטישער פאמיליע.

גאנצע דריי וואָכען האט קאָמט אנגעהאלטען דעם פלאַץ און האט דערנאָך רעזיגנירט. ער האט געבענקט נאָך דער פרייהייט, נאָך דעם קליינעם קעמערעל. עלענד האט ער זיך געפיהלט בשעת ער איז געווען ארומגערינגעלט מיט פיעל לוקסוס, און אין זשורנאל האט ער דאן צווישען אנדערעם געשריעבען: „איך קען ניט בעגרייפען וויא אזוי בעלער און פערגניגענס קענען מאכען א מענשען פארגעסען, אז ער לעבט אין א שטאָדט, וואו דרייסיג טויזענד מענשליכע בעשעפּיניסען ליידען הונגער און נויט.“

אין דיזער צייט איז דאס געווען ווען קאָמט האט זיך בעגעגענט מיט דעם מאַן, וועלכער האט געהאט א גרויסען איינפלוס אויף זיין גאנצען צוקינפטיגען לעבען, — דער מאַן איז געווען דער בעריהמטער דענקער סט. סימאָן, דער גרויסער פראנצויז, וואס האט בעפוילען זיין דינער איהם אויפצואוועקען יעדען אין דער פריה מיט די ווערטער: „פערגעסט ניט, מיין הערר, אז איהר האט גרויסע און נאָבעלע זאכען אויפצוטאָן.“

סט. סימאָן ווערט גערופען: „דער גרינדער פון פראנצויזישען סאָציאליזמוס“. ער האט געשריבען גרייכע ווערקע איבער פּאָליטישע פראַגען, וויא אויך איבער דעם פאנאטיזמוס פון קריסטענטום. אין זיינע אנשויאונגען, אין זיינע סימפּאטיען מיט'ן פּראָלעטאריאט איז ער געווען א סאָציאליסט — נאטירליך, ניט קיין וויסענשאפטליכער. א גרויסער טרוימער איז ער געווען, אן אוטאָפּיסט, און האט איבערגעלאָזט נאָך זיך הונדערטער, זאָגאר טויזענדער נאכפאָלגער וואס האבען זיך גערופען: „דיא סטודענטען פון סט. סימאָן“.

סט. סימאָן איז געוואָרען שטארק פעראינטערעסירט אין קאָמט'ן. ער האט איהם איינגעלאדען צו זיינע קלאסען, וועלכע ער האט געפיהרט אויפ'ן פלאַטאָנישען שטייגער; האט איהם בעזאָרגט מיט ביכער, קליידער און בילעטען צו דער אָפּערא. דיא מעהרסטע צייט דאָט קאָמט פערבראכט אונטער סט. סימאָן'ס דאך, און האט קאָפּירט דעם גרויסען מאַן'ס שריפטען, און געמאכט איבערזעצונגען פאר איהם. דער לעהרער און שילער האבען זיך ליעב געהאט, און וואס קאָמט האט געדארפט, האט ער גענומען פון סט. סימאָן אָהן צערעמאָניעס.

אין איינעם פון דיא בריעף, וואס קאָמט האט דאן געשריעבען צו זיינע פריינד, לויבט ער סט. סימאָן'ען אלס דעם גרעסטען מאַן וואס האט ווען געלעבט — „א פערקערפּערונג פון גדולה, גוטהערציגקייט, בילדונג און ליעבע — מיין

גייכטיגער פאטער!" פופציג יאהר האט אבגעמהיילט ביידע דענקער, דאך האבען זיי געלעזען, געלערנט און פערבראכט צוזאמען און ביידע האבען פראפיטירט פון דער פריינדשאפט.

עס איז יעצט שוין קיין שום צווייפעל ניט, אז דיא צענטראלע אידעע פון קאמט'ס „פאזיטיווע פילאזאפיע" איז גענומען געווארען פון סט. סימאן. קאמט האט קיינמאל ניט אבגעמאכט זיין לעהרער. אבער אפילו אן אויבערפלעכליכער בליק אויף ביידענס ווערקע איבערצייגט דיא קרובה'שאפט צווישען דעם גאונישען טרוימער סט. סימאן און דעם סיסטעמאטישען דיינקער קאמט.

סט. סימאן'ס סאציאלע לעהרען, זיין גלויבען, אז דער לעבענסציעל פון דיינקער מוז זיין אויף אן אנדער אופן צו ארגאניזירען אונזערע מאראלישע געזעצע און פאליטישע סיסטעמען, דאס אלץ האט קאמט פערקערפערט אין זיין גרויסען ווערק, וועלכען ער האט דאן אנגעפאנגען שרייבען.

אבער סט. סימאן האט אין איינע פון זיינע רעדעס זיך בענוצט מיט פיעלע געדאנקען, וועלכע קאמט האט אויסגעדריקט אין זיין בוך, אזוי ווי זיי וואלטען געוועזען זיין אייגענס. און אפשר איז דאס טאקי געוועזען זיינע געדאנקען, ווער וויסט?

קאמט, היציג און ענטוזיאסטיש איבער זיינע אידעען, וועלכע ער האט געהאלטען בסוד, האט בעשולדיגט סט. סימאן'ען אין גנבה. א קריעג האט זיך אנגעפאנגען, אין וועלכען קאמט האט זיך אויפגעפיהרט צופיעל מעשה אינגעל, און מען דערצעהלט, אז סט. סימאן האט איהם משלה געווען פון הויז.

קאמט האט „איבערגעדרייט דעם פעלץ", און האט איצט אנגעפאנגען רופען דעם לעהרער מיט פערשיעדענע זידעל־ווערטער — נאר אזוי וויא דיא מחלוקות פון גרויסע לייט זיינען זעהר לעבערליך און אויך זעהר טרויעריג, דארום וועלען מיר איבערהיפען דיזע שטעלע אין קאמט'ס לעבען. — עס איז בעסער צו מאכען דערפון א שווייג.

2

אין יאהר 1825 האט קאמט געהייראט. דיא צערעמאניע איז געווען זעהר א פראסטע. א יונגע און שעהנע מיידעל איז זיא געווען, און ניט האבענדיג קיין אייגענע אידעען, איז זיא געווען גאנץ צופריעדען צו גלויבען אין זיינע. קאמט האט זיך גראטולירט דערמיט, וואס דא איז א יונגע פלאנצע צו ענטוויקלען; אז ער וועט קענען בעאיינפלוסען דער פרוי'ס פערשטאנד און איהר מאכען פאר זיינעם א פריינד און חבר. ער האט ניט געוואוסט, אז ווען גאט האט געזאגט: „איך וועל שאפען פאר אדם'ען א חבר", האט ער דאס גערעדט איראניש.

דיא ערשטע „קריעג", וואס קאמט האט געהאט מיט דער ווייב, איז געווען אויפ'ן וועג אהיים, ווען זיי זיינען געגאנגען פון נאטארוס, וועלכער האט זיי פערהייראטה. קאמט האט ניט געוואלט וויסען פון קיין רעליגיעזע צערעמאניע ביי דער חופה. זי האט איינגעשטימט מיט איהם, ביז דער נאטאריוס האט פערשריעבען זייערע נעמען. אבער ווען זיא האט געזעהן, אז דאס איז אלץ און אז דאס הייסט שוין חתונה געהאט, האט זיא זיך דערשראקען און ערקלערט, אז זיא וועט זיך ניט בערוהיגען ביז דיא קירכע וועט זייי פעראייניגען.

דיא ערשטע „גאלדענע וואכען" האט דאס פאר פאלק פערבראכט אין מאנפיליע, ביי קאמט'ס עלטערן. דיא יונגע ווייבעל האט געהאט שווער און שוויגער אויף איהר זייט. אלע האבען געפאדערט פון קאמט'ן אז דיא חתונה זאל געפראוועט ווערען נאך אלע דינים פון דער קאטוילישער רעליגיאן, אבער עס האט ניט געהאלפען. קאמט איז געבליבען ביי דאס זייניגע. אבער אויך דיא ווייבעל איז געווען א עקשון'טע און מיר זעהען שפעטער ווי אנשטאט זיא צו בעאיינפלוסען און איהר צו מאכען פאר א דענקענדען מענשען, האט זיא איהם געמאכט אונטערטעניג און דערשלאגען.

אין א בריעף צו א פריינד בעקלאגט ער זיך, אז פון אלע זיינע האפנונגען איז געווארען אש און בלאטע. אבער אין זיין אומגליק ווערט ער פילאזאפיש און זאגט: „עס איז אלעס צום בעסטען, ווייל דאס טרייבט מיך צו מיין ארבייט, און פון איצט אן איז מיין לעבען געווידמעט דער וויסענשאפט".

דאס לעבען פון קאמט איז אין א געוויסען זין געווארען טראגיש. דיא היים האט ניט געהאט קיין שום אנציהענדעס פאר איהם; קיין פריינדשאפט האט ניט ערמונטערט און ערווארעמט זיינע האפנונגען. אבער זיין גרויסער ווערק, וואס ער האט געשריעבען, איז געגאנגען פאריייטס, ניט קוקענדיג אויף אלע הינדערניסע. ער האט דאן געזאגט: „דיא שוועריגקייטען פון לעבען זיינען אלע איין גרוים. — צרות, וועלכע מיר טראכטען אויס, זיינען גראדע אזוי

שמערצליך ווי די ווירקליכע. און מענשען וואס האבען נים קיין אמת'ע ליידען, רעדען זיך איין פערשיעדענע קרענק. איך, גליקליכער ווייזע, דארף זיך ניט ברעכען דעם מוח אויפצוזוכען ערזיי א ביסעל שמערצען."

ווען קאמט איז געווען אכט און צוואנציג יאהר אלט, האט די „פאזיטיווע פילאזאפיע" אזוי פיעל אנגעפילט זיין מוח, אז ער האט אנאנסירט א קורס פון צוועלף לעקטשורס אויף דיזער טהעמא. איבער זיינע ערפינדונגען האט ער געציטערט, און דעם גאנצען קרעדיט דערפון האט ער געוואלט פאר זיך. געלט האט געהאט ביי איהם א קליינעם ווערטה. צו זיין דער ערפינדער פון א גרויסער פילאזאפישער סיסטעם, ער וועגווייזער פאר אלע די דענקער וואס וועלען נאכפאלגען, — דאס האט איהם געגעבען רייכט און האפנונג.

א פראספעקטוס איז ארויסגעשיקט געווארען און מען האט אויך געדרוקט בילעטען.

די בעל־הבית'טע, ביי וועלכע קאמט האט קווארטירט, האט מקרב געווען איהר גרויסען צימער אויפ'ן צווייטען שטאק פאר דער וויסענשאפט. א חברה ענטוזיאסטען פון לאטיינישען (שטודענטישען) קווארטאל האבען געמאכט א הויז־צו־הויז פראפאגאנדא. בילעטען האבען זיך פערקויפט, און דער פילאזאף האט געזעהען „בעשיינפערלעך" אז ענדליך ליגט די וועלט צו זיינע פיס.

דער נאכמיטאג פאר דער ערשטער לעקטשור איז געקומען. קיין קאראטען האבען די גאס ניט פערשטעלט. און אזוי ווי עס האבען זיך געלאזט זעהן נאר אן ערך פון א העלפט פון די, וואס האבען געקויפט בילעטען, האט עס א ביסעל בערוהיגט די איבערגעשראקענע ווירטהין און דעם נערוועזען קווארטיראנט.

איין מאן וואס איז געווען ביי דיזער ערשטער לעקטשור דערצעהלט, אז דער רעדנער האט געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק. דיזער מאן איז געווען דער וועלט־בעריהמטער נאטור־פארשער אלעקסאנדער פאן הומבאלדט. פיעל מאל ציטירט הומבאלדט קאמט'ס אויסדריקע, און אין איין ארט זאגט ער: „ער האט בעוויזען פיעלע וואהרהייטען בעסער ווי אירגענד ווער וואס האט עס געטאן פאר איהם".

גאנץ ווייניג האט דאן די ווירטהין פון צימער געדענקט אז איהר איינגעדארטער, קליינינקער קווארטיראנט האט אויסגעשאסען א קאנאנע, וועלכע וועט זיך הערען אין דער וועלט.

זעהר ווייניג מענשען האבען געהאלטען די לעקטשורס פאר וויכטיג גענוג צו קומען. ווי קליין און אונבעדייטענד איז דער אנפאנג פון גרויסע עראייגניסע!

קאמט איז געווען אזוי דורכגעדרונגען מיט זיין טהעמא, אזוי פערקאכט אין איהר, אז עס האט איהם אויסגעצערט און פערברענט ווי א פיבער. דריי לעקציעס זיינען געגעבען געווארען. אבער ביי דער פיערטער האט איהם דאס בלוט מיט א מאל געגעבען א יאג אין קאפ. עס איז איהם פינסטער געווארען אין די אויגען. זיינע געדאנקען האבען זיך צומישט, ער האט זיך פלוצלונג אבגעשטעלט, זיך אוועקגעזעצט. די צוהערער האבען געמיינט, אז זיי האבען פאר זיך איינע פון די גאונישע איינפעלע. אבער דעם פילאזאף'ס פערשטאנד האט שוין מעהר ניט געדיענט, און גוטע פריינד האבען איהם אוועקגעפיהרט אין א משוגעים־הויז.

3

געוויסע קריטיקער, וועמעס אויפגאבע עס איז געווען צו ווידערשפרעכען קאמט'ס „פאזיטיווע פילאזאפיע", האבען גענומען אויסנוצען דעם פאקט, וואס דעם דענקער'ס מארך איז געווארען אנגעגריפען.

דאס איז זעהר א בעקוועמער וועג צו פטר'ן א געגנער, אבער זיכער ניט קיין גערעכטער וועג. קאמט'ס פילאזאפיע רעדט פאר זיך אליין, צי זי איז ריכטיג אדער פאלש. וואס ער האט געטאן דאמאלס בשעת ער האט געשאפען דאס ווערק אדער דערנאך, האט א גאנץ קליינע בעדייטונג. דער פאקט, אז סער אייזעק ניוטאן איז א צייט געווען ניט ביים קלארען פערשטאנד, פערקלענערט ניט דעם ווערט און שוואכט ניט אב דעם געזעץ פון גראוויטאציאן (צוציהונגסקראפט). פלאטאן'ס ווערק פערלירען ניט דערפאר וואס זייער שעפפער האט זיך ניט געקענט פארשטעלען, אז א מאל זאל קענען עקזיסטירען א וועלט אהן שקלאפען; און סאקראט'ס קלוגע ווערטער ווערען ניט אז דאס מינדעסטע, ווייל דער גרויסער גריעכע האט געגלויבט דעם גאנצען לעבען, אז א גייסט געהט איהם נאך אויף שריט און טריט.

ווען קאמט'ס קראנקהייט האט דערגרייכט דעם העכסטען גראד; ווען וועכטער זיינען געדונגען געווארען זיי זאלען איהם היטען, דאן האט דער פריעסטער לאמענע איינגערעדט דעם פילאזאף'ס ווייב, אז עס איז די בעסטע צייט צו געהן אין קירכע און זעהען, אז איהר הייראטה

מיט קאמט'ן זאל געהייליגט ווערען נאך אלע צערעמאניעס פון דער קאטוילישער רעליגיאן.

און זיא האט אזוי געטאן!

קאמט האט עס ניט געוואלט גלויבען, ווען ער איז אין שפעטערע יאהרען געוואהר געווארען פון דעם, ביז וואנען ער האט זיך אליין איבערצייגט, ווען ער האט נאכגעזוכט דעם פנקס פון דער קירכע.

עס פערשטעהט זיך, אז דיזע טהאט האט ניט פערגרעסערט זיין ליעבע, ניט צו זיין פרוי און ניט צו דער קירכע. דער טהאט איז געווען אזוי נידריג. בגנבה האבען זיי געוואלט ערךרייכען דאס, וואס זיי האבען ניט געקענט אויספיהרען דורך מאראלישען איינפלוס. און אלץ איז דעם נאמען פון רעליגיאן!

צוויי יאהר זיינען אוועק און דעם פילאזאף'ס פערשטאנד האט אויפגעוואכט מיט א מאל. ער האט זיך אויסגעריבען דיא אויגען וויא פון שלאף און געבעטען זיינע מאנוסקריפטען — ער מוז זיך צוגרייטען צו דער פיערטער לעקציע.

דער גאנצער קורס איז געגעבען געווארען, אז, וויא ער האט אנפאנגס פערפראכטען, און אין 1830 איז ערשיענען דער ערשטער באנד פון דער „פאזיטיווער פילאזאפיע".

דער זעקסטער און לעצטער באנד איז ערשיענען אין יאהר 1842 — צוועלף יאהר פון אנשטרענגונג, פון אונערמיעדליכע ארבייט זיינען אלזא אין צווישען אוועק. דאס איז געווען דיא גליקליכסטע צייט אין קאמט'ס לעבען. — דעם גאנצען סיסטעם האט ער געהאט אויסגעארבייט אין קאפ נאך פון אנפאנג אן. און איצט האט ער עס געזעהען פערקערפערט אין א געוויסער פארמע און אבגעשעצט, אמווייניגסטען, פון אייניגע ערנסטע דענקער.

פון איבעראל זיינען אנגעקומען פערלאנגען אז ער זאל קומען לעקטשורען איבער וויסענשאפטליכע טהעמאס, און קאמט האט געהאט א געלעגענהייט צו בעווייזען זיין סימפאטהיע מיט'ן פראסטען פאלק. פריהער פאר אלעמען האט ער אנגענומען צו געבען א לאנגע סעריע פון פאפולערע לעקטשורס איבער אסטראנאמיע פאר'ן געוויינליכען ארבייטער, אהן געלד. דיא רעדעס זיינען געווען אזוי איינפאך און פערשטענדליך, אז אלע האבען איהם געקענט בעגרייפען; און דער ערפאלג איז געווען אן אונגעהייערער.

דיא פאליטעכנישע שוהלע איז געוואקסען און געווארען גרויס און מעכטיג. און דער זעלבער אינסטיטוציאן, וועלכע קאמט האט א מאל געוואלט פערניכטען, האט איהם איצט צוריקגערופען און איהם געגעבען א שטעלע אלס עקזאמינער און פראפעסאר.

אבער קאמט האט אין דער הקדמה צו דעם לעצטען באנד פון זיין ווערק אנגעגריפען געוויסע דירעקטארען פון דער גרויסער שוהלע, און דער סוף איז געווען אז ער האט פערלוירען זיין פראפעסאר־שטעלע.

זיינע שטענדיגע מיספערשטענדניסע מיט דער פרוי זיינען געקומען אזוי ווייט, אז ביידע האבען געפיהלט אז שיידען זיך איז דיא בעסטע זאך. עס איז קיין צווייפעל, אז קאמט האט געדענקט פיעל מעהר וועגען דער פרוי, ווען זיי זיינען געווען הונדערטער מייל איינס פון דעם אנדערען. ער האט צו איהר זעהר אפט געשריעבען און האט געקארגט און זיך ענטזאגט פון פיעל זאכען כדי איהר צו שיקען געלט אפט וויא מעגליך.

איין בריעף צו זיין פרוי בעווייזט וויא ווייט קאמט האט בעזעסען דעם אינסטינקט פון אמת'ן לעהרער. ער שרייבט: „איך קען מיר ניט ערלויבען איבערצוגעבען דאס זיסע און ריהרענדע געפיהל וואס בעהערשט מיך ווען איך געפין א שילער וועמעס הארץ איז גענצליך אריינגעטאן אין זיין ארבייט."

דער גרויסער ענגלישער דענקער דזשאהן סטוארד מיל, האט שטארק געהאלטען פון דער „פאזיטיווער פילאזאפיע" און האט געשריעבען אויף איהר א לויבענסווערטהע קריטיק. אונטער זיין השגחה האט דיא בערימטע פריילין מארטינא איבערזעצט קאמט'ס ווערק אין דער ענגלישער שפראך מיט גרויס ערפאלג.

זיא האט א צייט שפעטער בעזוכט קאמט'ן, און ער האט געהאט א געלעגענהייט צו זעהען א סארט פרוי, א דיינקער, מיט וועלכע ער איז געווען ווייניג בעקאנט. פריילין מארטינא האט א פאר יאהר געלעבט אין פראנקרייך און האט אפט אבגעשטאט וויזיטען צו דעם גרויסען פילאזאף. אבער ווען ער האט אנגעפאנגען זיך צו ערקלערען אין ליעבע צו איהר, האט דיא קלוגע פרוי גענומען דאס „פעקעל מיט'ן זעקעל" און איז אוועק צוריק אהיים, קיין ענגלאנד.

4

דער גרונד־געדאנק פון דער „פאזיטיווער פילאזאפיע" איז, אז אלע אונזערע אנשויאונגען, אלע פערשידענע סארטען וויסענשאפטען, פון וועלכע מיר האבען א בעגריעף, האבען געמוזט נויטווענדיגערווייזע דורכגעהן דריי פערשידענע

מדרגות. דער מענש ערקלערט זיך אליין, וואס ער זעהט, אויף דריי אופנים, וועלכע פאלגען איינע נאך דער אנדערער. דיזע דריי שטופען זיינען טעאלאגיע, מעטאפיזיק און פאזיטיוויזמוס. דאס זיינען דיא דריי סיסטעמען פון דענקען, דורך וועלכע מיר ערקלערען זיך דאס לעבען און דאס, וואס איז ארום אונז. דיא טעאלאגישע אדער ערשטע סיסטעמע איז דער נויטווענדיגער א"ב פון דעם מענשליכען געדאנק; דיא פאזיטיווע, אדער דריטע פעריאדע, איז דער נאטירליכער שלוס פון יעדען פראגרעסיווען און דענקענדען מענשען; דיא צווייטע פעריאדע איז נאר א בריק, ווס פיהרט אריבער פון דער ערשטער צו דער דריטער: מעטאפיזיק האלט דאס קינד ביי דער האנד ביז עס קען זיך שטעלען אויף דיא פים.

טעאלאגיע שטעלט פאר דאס קינד: מעטאפיזיק דיא יוגענד; און פאזיטיוויזמוס, אדער וויסענשאפט — דעם מאן.

דיא עוואלוציאן (ענטוויקלונג) פון דער מענשליכער ראסע איז אן אבשפיעגלונג פון דעם וואוקס פון דעם איינצעלנעם מענשען. דערמאנט אייך אין אייער אייגענע קינדהייט — אייער ערשטער שטראל פון דיינקען האט זיך אנגעפאנגען מיט דער פראגע: „ווער האט דאס אלעס געמאכט — וויא אזוי האט זיך עס אנגעפאנגען?"

און טעאלאגיע קומט מיט א גלאטינקע, פיינע ערקלערונג: דאס האבען געמאכט געטער, דיא מכשפים, דיא שדים, דיא לצים. ענגלען און געטער שאפען אליין און קענען טאן דערמיט וואס זיי ווילען. דערנאך קאנצענטרירען מיר דיא אלע „פערזעהענישען" אין איין בורא־עולם מיט'ן שטן אלס קאנקורענט און מיר זיינען צופריעדען.

שפעטער, ווען דער בעגריף אין א בעשעפעניש וואס זיצט „אויבען" און טהיילט אוים שכר ועונש, ווערט א ביסעל דונקעל, קומען דיא יאהרען פון מעטאפיזיק. מיר רעדען ניט מעהר פון א גאט, נור פון א קראפט, א בעהאלטענע ענערגיע, אן אונערקלערליכער עטוואס.

אבער מיר האלטען זיך ניט לאנג אין דיזע לופטיגע אנשויאונגען, מיר הייבען אן פרעגען: ווער איז דיא ענערגיע? ווער איז דער עטוואס?

דאן קומט דער פאזיטיוויזמוס, דיא וויסענשאפט, און זאגט: דיא העכסטע חכמה ליגט אין וויסען, אז מיר קענען קיינמאל ניט פערשטעהן פון וואנען אליין האט זיך אנגעהויבען, ווייל עס האט זיך ניט אנגעהויבען, און וועט זיך ניט אויס־לאזען. ווען מיר ווארפען דאס אראפ פון קאפ, דאן קענען מיר אפגעבען אונזער צייט צו שטודירען ערשיינונגען, און מיר געפינען אז דיא אלטע „נסים", וועלכע מיר האבען צוגעשריבען צו דיא געטער, ערקלערען זיך גאנץ לייכט אין ליכט פון דער וויסענשאפט; יעדע בעשעפעניש האט גראדען־ווייז, דורך דיא יאהרהונדערטע און יאהר־טויזענדע פאר זיך אליין אויסגעארבייט דיא אלע גוטע מעלות, וועלכע זיא פערמאגט איצט. מיליאנען אנדערע בעשעפענישע האבען געמוזט פאלען צוליעב דיזע בעקוועמליכקייטען. א ווילדערניש איז דיזע וועלט געווען. פון יעדען צווייג האט אראפגעקוקט א דורשטיגע חיה פערטיג צו דערשטיקען דעם שוואכערען. דער מענש, דורך מיליאנען יאהרען ווערענדיג אויפגעפרעסען פון חיות, דערטרונקען אין די בייזע ימים, פערפרארען פון גרויזאמע קעלטען, דערשטיקט פון אונערבארמליכע היצען, האט שטופענווייז פערוואנדעלט אזוי פיעל ווילדקייט אין ארמאניע; האט זיך ערקלערט דיא געזעצען פון דער נאטור און האט די נאטור געמאכט פאר זיין העלפער אנשטאט זיין פערניכטער—און נאך דעם אלעם קומט דיא טעאלאגיע און זאגט: „איהר זעהט וואס גאט האט געטאן פאר אייך?" עס דערמאנט אן יענעם פרומאק וואס האט זיך גע'חדוש'ט: „בעמערקט נאר וויא גאט פערזארגט אליין, גראדע ביי יעדער גרויסער האנדעלס־שטאדט איז פאראן א וואסער, בכדי שיפען זאלען קענען צוקומען"....

דער הויפט צוועק פון קאמט'ס „פאזיטיווע פילאזאפיע" איז אבצוקירעווען דעם מענשליכען געדאנק פון דעם טעאלאגישען און מעטאפיזישען ארט ערקלערונג פון דעם מקור און סוף פון דער וועלט, צו דעם פאזיטיווען; צו שטודירען אונזער סאציאלען לעבען אויף דעם זעלבען וויסענשאפטליכען שטייגער וויא פיזיקס, כעמיע און פיזיאלאגיע. פון דעם שטודירען קומען מיר צום שלוס, אז דאס וואס מיר רופען יעצט איבערנאטירליך, איז דאס נאטירליכע, וואס מיר פערשטעהען נאך אליין ניט.

דער מענש האט בטבע ליעב אליין צו ערקלערען פאר יענעם. עלטערן ענטפערן דעם קינד און זאגען איהם ניט דעם ריינעם אמת, נאר מען גיט איהם דאס וואס וועט איהם צופריעדענשטעלען, וואס זיין מוח קען פערדייען. צו ענטפערן אז מלאכים טוען דאס אליין, איז א גאנץ בעקוועמע זאך, ביז דאס קינד וואקסט אויף און פאנגט אן פרעגען: „וואו איז דער מלמד?" ער וואלט

טאקי וועלען זעהען איינעם. דאן מוזען מיר זיך מודה זיין (אויב מיר ווילען זיין ארענטליך), אז מיר ווייסען אליין נעבעך ניט וועגען די ענגלען און דעם „ניט־דא־געדאכט“.

מיר ווייסען איצט, אז דיזע באבע־מעשה'לעך וועגען ענגלען א. ז. וו. איז ריכטיגע שפייז פאר'ן קינדערשען מוח. זיין פערשטאנד קען ניט בעגרייפען אז עס זיינען פאראן פיעלע זאכען, וועלכע מען קען איהם ניט ערקלערען; זיין געדאנק מוז האבען עטוואס אין וואס זיך אנצוהאלטען, קומען די „מערכען“ און העלפען איהם ארויס. און אגב אורחא ענטוויקעלט עס אין קינד זיין פארשטעלונגס־קראפט. מעהר ניט: מיר לעגען ניט ארויף קיין שטראף פאר'ן ניט גלויבען אין מלאכים, און גיבען ניט קיין שכר פאר די וואס גלויבען יא. מיר זאגען אויך ניט דעם קינד או עס איז גוט צו גלויבען אין מלאכים, און אלע די וואס טוען דאס ניט, זיינען שלעכט און פער־ארבען.

קאמט גיט צו, אז טעאלאגישע און מעטאפיזישע שטופען זיינען נויטיג. אבער וואס גיכער א מעניש כאפט זיך ארויס פון זיי, אלץ בעסער און געזינדער פאר איהם. קאמט האט געבראכט בערג מיט בעווייזע געגען דער טעאלאגישער אנשייאונג פון לעבען, און האט בעאיינפלוסט אזוינע דענקער וויא הומבאלדט, מילל, לואיס, גראט און ספענסער.

אין דער צוקינפטיגער וועלט פון פרייהייט און ליכט וועט צווישען די גלענצענדע שטערן שיינען העל אויך אוגוסט קאמט, דער פאטער פון דער „פאזיטיווער פילאזאפיע“.

ב. ראזענבלאט.

דער דיכטער

איך געה אום אין פעלד,
ס'איז זוממער ביי־נאַכט;
דער טייכעלע פלאַפילט
פער'כשופ'ט און לאַכט....

דער ווינטעלע פליסטערט
און מורמעלט אָהן סוף
אזוי וויא א מכשף
וואָס פלוידערט פון שלאָף....

דער טהוי אויף דער לאָנקע,
עס פינקעלט און שפריצט,
דער קוסט וויא א וואַלד־גאָט
ער לויכטעט און בליצט...

דער וואַלד פון דער וועיטען
וויא איינזאַם ער שטייט
אַזוי וויא אַן אַלטער
די האָר אויסגעשפרייט...

ס'דאַבען גייסטער־נגונים
פאַר מיר זיך בעוועגט,
ס'האָט אַ וועלט אַ געהיימע
פאַר מיר זיך ענטפלעקט.

און די הימלען, די בערג
אין די טייכען אַרום
זיך סודות דערציילט
האַבען ריידענדיג שטום...

און ס'האָט מיר געדאַכט
מיין נשמה זיא פליהט
וויא אַ פינקלענדע בלום
צו דעם הימעל און בליהט....

אין איך בין פער'כישופ'ט
געפאַלען איפען פעלד,
און מיין גייסט האָט געשוועבט
אין אַ הימעלשע וועלט....

* * *

און ס'האָבען די שטערען
מיט מיר זיך געקוסט,
ס'האָט דער ווינט מיר געדריקט
צו זיין צערטליכער ברוסט...

און די לופט איז געוואָרען
וויא פול מיט מוזיק;
ס'האָבען פונקען וויא טענער
געשוועבט פאַר מיין בליק....

און זינט דאַן געה איך
וויא אַ שאָטען אַליין
מיט א טרויעריגען פּנים
ז' האַרץ פול געוויין

פערטרוימט צווישען מענשען
מיט לאַנגזאַמע טריט
און זוך וואָס... און וויל וואָס...
דאַך וואָס ווייס איך ניט...

יואל סלאָנים.

צושלאגענע געדאנקען פון א משוגענעם פילאזאף

דער דייטשער אחר.

1846 — 5 פעברואר — 1906.

זיי האבען געוועלט שפיעלען אלישע בן אבויה.

עס איז געווען צו־ענד דער צווייטער אקט. אויף דער ביהנע איז געווארען דונקעלער, אין דעם אוידיטאריום ליכטיגער...

האלט! פאללט אייך ניט איין, אז אין טהעאטערע, פונקט אזוי וויא אין קירכען (אונטערן צלם אדער אונטערן מגן־דוד. דאס איז גאנץ גלייך, אין אמעריקא גאנצער און גלייכער וויא אומעטום...) דארף מען, ווייזט עס אויס, דונקעלהייט ביים פובליקום אזוי לאנג וויא דיא פארשטעללונג געהט אן אויף דער סצענע, אדער אויף דער קאנצעל אדער אויף דער בימה? פאללט אייך ניט איין, אז דיא געווהנליכע קאמעדיאנטען אזוי וויא דיא וואס טראגען שווארצע קיטלען מיט ווייסע האלזקעס שיינען אלין מעהר און ווערען געהערט אלין בעסער, און פערשטעללען זיך אלין קונציגער און ברענגען ארויס וואס מען רופט דיא „איללוזיאן“ אלין פאלקאמענער וואס מעהר דער עולם איז אין דער פינסטער? פאללט אייך דאס ווען עס איז איין? אויב ניט, לייענט דאס וואס איהר האט נאר־וואס געלייענט מיט מעהר קאפ נאך א מאל, אויב יא, האט אויף מיר קיין פאראיבעל ניט: איך בין אלט, מיין ראיה איז א ביסעלע מטושטש און מיר ווערט וואס פון יאהר אלין שווערער און שווערער צו זעהן אייער שכל, אייער כוח־השגה, אפילו אייער אמעריקאנישע סמארטקייט....

לאמיר געהן ווייטער.

עס איז געווען צו־ענד דער צווייטער אקט. אויף דער ביהנע... מחשבות'ן! ביהנע און בימה כמעט דער זעלבער ווארט... אלזא אויף דער ביהנע איז געווארען דונקעלער, אין דעם אוידיטאריום ליכטיגער, מען האט אפלאדירט — מאנכע אויפריכטיג, אנדערע ווייל דאס בעט זיך עפעס אזוי, וויעדער אנדערע ווייל זיי זיינען ניט קיין אריסטאקראטען... אריסטאקראטען אפלאדירען זעלטען, מחמת זיי זיינען געווען אין פאר־ריז, — אלזא דער עולם האט אפלאדירט, דיא אקטיארען, וועלכע האבען זיך געמאטערט צו שפיעלען אלישע בן אבויה, האבען „עמפפאנגען“ דיא אפלאדיסמענטען. וויא דער ליטווישער פויער עמפפאנגט ערב פסח דיא אבגעקויפטע חמץ, האבענדיג אין הארצען א חשד אז דער איד מולירט איהם מחמת ער, דער גוי, זעהט ניט איין פאר וואסערע מעשים טובים איהם קומט אזא ווילדע מציאה, אלא־ווא־דען, אז דער איד גיט נעהמט מען...

נאך א מאל: עס איז געווען צו־ענד דער צווייטער אקט.

איך האב געטראכט, נו, מאי בהאי! אידישע אקטיארען לערנען זיך אויס שפיעלען זייערע ראללען אין דער צייט וואס זיי שפיעלען, דאס הייסט אין דער ערסטער צייט, וויא מגידים לערנען זיך אויס זייערע דרשות דרשנ'דיג, און מיידלעך לערנען זיך אויס טאנצען טאנצענדיג, און געוועזענע יוניאן־לייט לערנען זיך אויס סוועטען סוועטענדיג, וואס דאס קען מען זיך אלץ ערלויבען, ווייל ארבייטער צאהלען גערן פאר אייערע כוועטינג לעסאנס, און יונגע לייט צאהלען דיא כלי זמרים פאר דיא טענץ, און דער עולם איז ניט קיין בעל מפונק אין דעם פרט פון דרשות, און ביי אקטיארען איז שפיעלען גוט ניט קיין חיוב, ניט קיין מ״ו ז׳, ניט קיין תנאי קודם למעשה, ווען דער טיקעט ווערט אייך אנגעבאטען.

הייסט עס, געדולד! — האב איך ביי זיך געטראכט—זיי וועלען עס פיעללייכט נאך גוט שפיעלען, איבערהויפט דיא ראללע פון אלישע בן־אבויה, ווייל.... אין גאנצען האבען זיי עס ביז יענעם אווענד געהאט געשפיעלט א פאאר מאל....

און דא איז געשטאנען דער מחבר אליין אין א ווינקעלע אין דער לאזשע אין באקס (וויא מען רופט דאס אויף ענגליש, — דאס און צוויי שאס אנדערע זאכען: פון א דייטשע אהרפייגע ביז אן ענגלישען וויהנאכטסגעשענק) איז ער, הייסט עס, געשטאנען לעבען מיר, שטאלץ אויף זיין

ווערק — און ער האט געמעגט זיין שטאלץ — אבער אונצופריעדען מיט דער ארט און ווייזע וויא אזוי מען עס האט דעם פובליקום פאר־געשטעללט; א שטייגער, וויא דער שטאלצער פאטער פון א געראטענעם קינד פיהלט זיך ווען דיא נייאנקע פיהרט דעם דאזיגען געראטענעם קינד ארייך אין א שטוב פולל מיט געסט ניט ארומגעוואשען, ניט פערקעמט, אין צוקורצע מאייטקעס, מיט לעכער אין דיא עללענבויגענס פון זיין רעקעלע, מיט שטויב ארום דיא לעכער.

„פאר וועמען האסטו געמאכט דיעזע פיעסע?“ האב איך איהם געפרעגט, ווייל איך האב פערשטאנען זיין שטאלץ און זיין שמערץ און איך האב געזעהן, אז דאס פובליקום האט זיך גענומען צו אנדערע זאכען — צווישען דיא אקטען רעט מען ביי אונז ניט וועגען דער פיעסע, ווייל דאס טוט מען דיא גאנצע צייט בעת מען שפיעלט; אפילו דיא קינדער ווייַנען וועגען גאנץ אנדערע ענינים צווישען דיא אקטען — אז דאס פובליקום, אלזא, האט זיך פערטאן מיט אנ־דערע זאכען און האט פיעללייכט ניט פערשטא־נען דיא וואונדערבארע שטיקעל ארבייט, פון וועלכע זיי האבען געזעהען דיא ערסטע העלפט. ניט וויללענדיג האט מען אויף דעם אופן געפרעגט: פאר וועמען ער האט דיעזע פיעסע געמאכט.

— „פאר זיך“ — האט ער געענטפערט.

* * *

הערכטו? פאר זיך! אזוי וואללט געענט־פערט אלישע אליין; אזוי וואלט געענטפערט יעדער איינציגער פון דיא גרויסע פיגורען אין דער וועלטגעשיכטע וואס האבען בעלאנגט ניט צו דיא מאסען נ א כ ש ל ע פ ע ר ס, זאנדערן צו דיא ווייניגע פ א ר ג ע ה ע ר ם; אזוי וואללט געענטפערט יעדער בעקאנטער רעבעלל אין דער וועלט, יעדער מיאטעזשניק געגען דיא אבגע־שטארבענע אבער נאך ניט בעגראבענע אלטע אמונות, אידעען און אינסטיטוציאנען, וואס זייערע נבלות, זייערע זעלענלאזע טויטע קער־פערס ליעגען אין וועג, שטערען דעם פראגרעס, גיבען פון זיך אב א פערפעסטענדען געדוך און — וואס איז שרעקליכער און דאך מערקווירדיגער וויא אלץ — געפינען פאר זיך פי[illegible]יינים, אנהענגער און אונטערשטיצער, ניט אכטענדיג אויף דעם, וואס זיי זיינען ניט מעהר וויא טויטע, ניט בעגראבענע נבלות...

פאר זיך! אבער ניט אויף ר' טרייטעל'ס שטייגער, ניט מחמת איהם קיממערט ניט פאר אללע אנדערע מענשען, ניט מחמת ער לעבט פאר זיך, פאר זיין בויך, פאר זיין מאגען אליין. אה ניין! זיין פאר זיך האט צו בעטייטען: דיא זון'ס פאר־זיך ווען זיא געהט אויף און הויבט אן צו לייכטען ניט אכטענדיג אויף דעם וואס אלע מענשען שלאפען נאך, און ניט געווּג וואס זייערע פערמאכטע אויגען בעדארפען דאן ניט קיין ליכט, איז דער זונען־שיין זאגאר א שטער פאר זיי: ער לאזט זיי ניט שלאפען און וואללט זיי אין גאנצען אויפגעוועקט ווען ניט דיא שווערע רעליגיעזע גארדינען, דיא שווארצע, דיא פיין־געוועבטע גארדינען; ווען ניט דיא געזעצליכע גראבע לאדענס מיט'ן אייזערנעם שטאנג אויף זייערע רוקענס מיט דיא לאך, וואס זעהט אויס וויא א הארץ — אין דעם פעקעל קארטען — אין מיטטען, ארייַנצולאזען אין דער פריה אזוי פיעל ליכט וויאפיעל דער הייליגער שלאף קען פערטראגען.

פאר זיך! קאלאמבוס קלערט אז עס איז דא ערגיץ וואו א נייע וועלט, ער לאזט זיך אוועג דיעזע וועלט געפינען, ער טוט דאס מיט לעבענסגעפאהר, ער טוט דאס געגען דיא „עטאב־לירטע“ עפענטליכע מיינונג, ער טוט דאס פאר זיך אליין, ווייל ער פיהלט אין זיין מוח און אין זיין הארצען א דראנג דערצו, ווייל דאס פער־לאנגט זיין געפיהל פון זעלבסט־בעפריעדיגונג, ווייל ער האט ניט דיא געדולד צו ווארטען ביז טעמעני־האלל וועט אמאל נאך איהם שיקען א שיף קיין שפאניען...

און איך אלטער בין אוועג אהיים און האב געטראכט, פיעל געטראכט, דאנקענדיג גאט וואס עס איז שוין זעהר שפעט און א פערטראכטער אלטער מאן, מיט א ראיה וואס איז שוין מטושטש, דארף זיך מעהר ניט היטען פאר קארס, פאר אויטאמאבילס, פאר פערד, פאר בייסיקלס, פאר קינדער אויף רעדלעך; קען געהן און ניט ניזק ווערן אין גאס.

און שלאפען האב איך זיך געלעגט מיט דיעזען געדאנקען:

אלישע בן אבויה, דאס איז דער אמת'ער דער גרויסער, דער אייביגער רעבעלל. דאס איז ער, וועלכער רעבעללירט ניט נור געגען אלץ וואס האט זיך איבערגעלעבט און דארף צוריק ווערן שטויב, זאנדערן אויך געגען דאס ניי־געב־בארענע, ווען איהם דוכט זיך, אז דאס קינד איז געראטען אין זיינע עלטערן, אז דאס, וואס קומט, זעהט אויס כמעט וויא דאס וואס געהט אוועג

צו זיין אייביגע רוה; אז דער מארגען איז ניט בעסער וויא דער נעכטען.

אלישע מעג זיך זיין אין טעות, אבער ער ווערט זיך אי געגען דיא אלטע אידישקייט אי געגען דאס נייע קריסטענטום; געגען יענע וייל זיא זאגט צום שכל, וויא אמאל יהושע צו דער זון: שטעלל זיך אב און בלייב שטעהן דא אין גבעון; און ער ווערט זיך אויך געגען דיא גוישקייט ווייל איהם שיינט אז ווען זיא וועט אויסוואקסען וועט זיא ניט בעסער זיין וויא איהר מאמע; וועט אויך וועלען אבשטעללען דעם פרייען לויף פון דעם פרייען גייסט, דעם פרייען געדאנק, דיא פרייע, מענשענווירדיגע שפראך.

און מיט דיעזע געדאנקען האב איך איינגעדרעמעלט.

* * *

און פאר מיינע אויגען איז פארגעגאנגען א וואונדערבארע זאך.

גארדין האט זיך פערוואנדעלט אין אלישע בן אבויה און אלישע בן אבויה איז פערשוואונדען געווארען.

און וויא פון דער ערד האט זיך אויפגעהויבען א בעקאנטע אלטע פיגור, מיט שנעע ווייסע האאר, אין שווארצע קליידער.

שטאלץ, בקומה זקופה, איז ער געשטאנען אין מיין צימער, קיין זאך ניט בעטענדיג, גארנישט זאגענדיג, אבער מיט טראץ אין זיין פנים, מיט א בליק אין דיא אויגען, וועלכער פעראכטעט דיא פורכט; וועלכער קיממערט זיך ניט וועגען דיא צאהל און דיא מאכט פון זיינע שונאים, וועלכער רופט ארויס אויף א דועל דיא פיהרער פון דיא גאנצע פערשקלאפטע, פערדומטע, פערפיהרטע מענשהייט — ער איינער געגען א וועלט.

און אין דעם פינסטערען צימער איז מיט אמאל ליכטיג געווארען אין איין ארט, דארטען וואו ער איז געשטאנען.

און איבער מיין קאפ, האט זיך אימיצער צו מיר איינגעבויגען און האט געזאגט:

זעהסטו אט דעם גרויז-גרויען יונגען מאן?

דאס איז דיא רעבעלליאן מגולגל געווארען אין א מאנסביל א טייטש.

דו האסט געהערט פון פערשיעדענע פערזאנען, וועלכע דיא נייע גאולה האט אין צייט פון הונדערט יאהר ארויסגעבראכט. ער איז עטוואס פון זיי אללעמען, אבער ניט וויא קיינער פון זיי. ער איז אנאנדערער. פאר פיעלע איז ער א נייער אחר.

סען סימאן איז געווען א נביא, ראבערט אוען איז געווען א „באהנברעכער“, קארל מארקס איז געווען דער גרויסער לעהרער, לאסאל דער גרויסער אגיטאטאר און פיעלע אנדערע לעבען נאך און קעמפפען פאר פרייהייט און ליכט.

ער איז ניט וויא זיי. ער איז ניט איינער פון זייער גאטטונג, ער קען ניט פערגליכען ווערן מיט זיי: ער איז אנאנדערער.

ער איז דיא רעבעלליאן בצורת אדם, אבער ניט דאס אליין.

ער איז אויך דיא מסירת נפש בצורת אדם, ער איז דער העלדענמוטה, וועלכע איז וויא דיא רעבעלליאן, מגולגל געווארען אט אין דעם זעלביגען שנעע-ווייסען יונגען מאן.

הער וואס איך וועל דיר זאגען:

פיעלע האבען פאר דיא פרייהייט מקריב געווען זייער לעבען אין דיא לעצטע פופציג יאהר.

פיעלע - - מענגער אין פרויען, ערטערווייז זאגאר קינדער — האבען אוועקגעגעבען זייער פרייהייט, זייער וואוילטאג, זייער פאמיליע, זייער-קאררירע, זייער לייב און זייער לעבען פאר זייער אידעאל.

מענשען וועלען עהרען זייער אנדענקען אזוי לאנג וויא עס וועט עקסיסטירען א מענשהייט.

אבער דיא וועגען, וועלכע פיהרען צו דער תליה, צום עשאפאט, צום לעבעדיגען קבר אין דעם קאזעמאט, אין סיביר — דיעזע וועגען זיינען פערשיעדען.

דער ארויסגאנג פון דעם גרעסטען העלד האט געקענט זיין אמביציאן, פרויענליעבע, א היציגע מינוט, לייכטזיניגקייט, זאגאר שוואכקייט, דיא שוואכקייט וואס צוליעב איהר ווערט מען אמאל מיטגעשלעפט אין דעם אללגעמיינעם שטראם און ארויפגעשלעפט אויף דיא בארריקאדע, אליין ניט ווייסענדיג וויא אזוי מען איז אהין געקומען. אויך דיא אללע אופנים האט זיך געקענט אנהייבען דיא גלארייכסטע העלדענראללע אין דער וועלטגעשיכטע.

וואללט דיעזער העלד, וואלט יענער העלד ארויסגעגאנגען אויף זיין רעוואלוציאנערען וועג ווען ער וואללט געקענט פאראויסזעהן דעם סוף? ווען איהם וואלט גלייך ביים ערסטען ארויספאהר מעגליך געווען צו זעהן — באספקלריה המאירה — דעם סוף און דיא תליה צום סוף? וואללט ער געגאנגען צו דער תליה א צווייטען

מאל?

אין פיעלע פעללע ווייס מען אויף זיכער אז דאס וואללט אזוי געווען. אין דיא מייסטע ווייס מען דאס ניט.

אבער וואללט דער וואס איז געשטארבען א העלדישען טויט געהאט דעם מוטה צו שטארבען ביסלעכווייז?

וואללט ער געהאט דעם מוטה ארויסצוגעהן פון איין טורמע און, גלייך שטעללענדיג זיין פרייהייט, זיין קאמפארט, זיין געזונדהייט אין קאן, נעהמען אזוי ארבייטען אז ער זאל באלד מוזען פון דאס נייע געהן אין געפעננגניס?

און אבער אמאל און ווידער אמאל ביז אין דיא צעהנדליגע אריין, ביז א טהייל פון זיין לעבען ווערט אבגעלעבט אין טורמעס הינטערן שלאס און ריעגעל; ביז ער און דיא ליבטיגע זון ווערן ווייטע בעקאנטע; ביז ער און זיין פאמיליע ווערן פרעמדע; ביז ער הערט אויף צו קענען אונטערשיידען דיא ענגע צעללע פון דיא ווייטע וועלט; ביז ער ווערט געוואוינט צו זיין ביי דער פרייהייט עפעס נור אזוי וויא אויף אבלענער, ווייל זיין אמת'ע דירה איז דער אסטראג.

אט דאס איז א טהייל פון דיא לעבענס־געשיכטע פון דעם שטאלצען, שנעע ווייסען, גרייזגרויען יינגלינג לעבען דיר.

אבער ניט דער וויכטיגסטער טהייל.

ער איז דיא רעבעלליאן.

האט ער רעבעללירט ניט אלליין געגען זיינע אונטערדריקער, געגען דיא מאכטהאבער, געגען דיא פיינדע פון ליכט און פרייהייט, פון בילדונג און גערעכטיגקייט.

ער האט אויך רעבעללירט געגען זיינע חברים, ווייל איהם האט זיך געדאכט אז זיי געהען אין פאלשע וועגען.

האט מען איהם אריינגעלעגט אין חרם, האט מען איהם ארויסגעווארפען פונ'ם כלל, האט מען זיך פון איהם אבגעזאגט, האט מען פון איהם אוועקגענומען דעם טיטעל „רבי“, איז ער געווארען אחר פאר אלעמען, אחר, אנאנדערער, אן אבטרינניגער, א כופר בעיקר, א פערשאלטענער.

און דער רעבעללענייסט איז פארט געבליעבען דער פריהערדיגער.

האט ער פארטגעזעצט דעם קרוישקען זיך פון טורמע צו טורמע, פון איין מדינה צו דיא אנדערע ביז ארום איהם האט זיך געבילדעט א נייע פארטיי, א גרופפע פון מענשען, וועלכע האבען זיך געהאלטען פאר פרייע, פאראורטהיילספרייע, פריידיינקענדע מענשען.

האבען אפילו פיעלע פון זיי איהם ניט פערשטאנען.

* * *

אחר אין זיין פאטערלאנד, אחר אין זיין אמאליגע פארטיי, אחר אפילו ביי פיעלע אין זיין איצטיגע.

און אזוי, אין פערלויף פון 40 יאהר, איז ער זיך צוועלף יאהר אבגעזעסען אין אללערליי טורמעס; האט מען איהם פערפאלגט און געטריעבען; האט מען אויף איהם געריייצט אללערליי הינט; האט מען איהם געזידעלט אויף אללע שפראכען; האט מען איהם בעליידיגט דער מיט נידערטרעכטיגע בעשולדיגונגען, יענער מיט נאך נידערטרעכטיגערע ענטשולדיגונגען — א שטיינער ער, נעבעך, איהר ווייסט דאך... פון צרות, נו, פאסירט עס... מען דארף האבען איינזערנים...

יעדער לומפיגער זשורנאליסט האט געהאלטען זיין נאמען פאר א הפקר־נאמען, זיין כאראקטער פאר א געזעצליכען ציעל פון שמוציקאיילען, זיין הארץ פאר דיא הארין פון א בעהטיע, וועלכע מען מעג דורכלעכערן און אויף טויט פערוואונדען מיט גיפטיגע פיילען.

און ער האט זיך ניט ארומגעקוקט ניט רעכטס, ניט לינקס; ער איז געגאנגען זיין וועג, ער, דער רעבעלל, דער אויביגער רעבעלל!

און אזוי איז ער היינט אלט געווארען 60 יאהר, דער ארימער — רייכער; געפאלענער — שטאלצער; אלטער — יונגער; אונפערשטאנדענער — פאפולערער; שנעע־ווייסער, — בלוטרויטער; דייטשער, — אינטערנאציאנאלער; שוועכליכער, — מעכטיגער מאן!

* * *

דיא שטיממע איז שטילל געווארען.

איך האב געוועלט איהם דערלאנגען דיא האנד. ער איז געוועזן פערשוואונדען.

אויף זיין ארט איז ווידער פאר מיר געוועזען אלישע בן אבויה, דער אנדערער אנדערער.

אבער היילינ בלייבט דער פלאץ וואו עס איז געשטאנען דער ד י י ט ש ע ר א ח ר — יאהאן מאסט.

אמאל און היינט

„דער געוועזענער האנדווערקער קען ניט
„ווערען קיין פראלעטאריער. דיא אידישע
„קליינע בעלי־בתים׳לעך קענען קיין פראלע־
„טאריער ניט ווערען.“

דער פועלי ציוניזם, זייטע 6—5.

דער נומער „צוקונפט“. וועלכער ליעגט יעצט דעם לעזער פאר דיא אויגען, איז שוין דער פופציגסטער זייט אונזער זשורנאל האט אנגעהויבען נאך אמאל צו ערשיינען; מיט אונגעפעהר א פיער יאהר צוריק, און דערפאר מאכען מיר עס א סארט יום טוב. וואס אבער פאר א מין סארט יום טוב וואלטען מיר געוועזען געמאכט, ווען דיא „צוקונפט“ וואלט ניט אויפגעהערט צו ערשיינען; פון ערשטען מאמענט אן, ווען מיר האבען זיא ארויסגעגעבען נאך אין דעם יאהר 1892 ? דריי־צעהן יאהר! פיעל וואסער, וויא מען זאגט עס, איז פארבייגעלאפען אין דער צייט. פיעלעס, פיעלעס האבען מיר דורכגעלעבט, און פיעלעס האט זיך געענדערט. צום בעסערען? צום ער־גערען? און אין וואס פאר א בעציהונגען? דאס זיינען אלין אזוינע פראגען, וועלכע קענען גרינדליך בעאנטווארט ווערען נור אין א׳ן ערנ־סטע געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער־בעוועגונג אין דיא פעראייניגטע שטאאטען. דיא צייט צו שרייבען אזא געשיכטע איז נאך ניט געקומען. קיין מאטעריאלען דערצו זיינען נאך ניט געזאמעלט. דיא נויטיגע פאקטען זיינען נאך ניט סארטירט און ניט בעלויכטען געווארען. און דער פאסענדער מאן דערצו, דענק איך, איז נאך ניט געבארען געווארען.

איך וויל נור דא אויסניצען דיא יעצטיגע געלעגענהייט, דעם יעצטיגען יום טוב פון אונ־זער זשורנאל, אום אנצודייטען אויף איין אינ־טערעסאנטען פונקט.

ארויסטרעטענדיג מיט דער „צוקונפט“ אין 1892, האבען מיר, דיא ארויסגעבער, גאנץ גוט פערשטאנען דיא אונגעהויער שווערע ארבייט וועלכע מיר האבען זיך אונטערנומען ארויסצו־געבען דעם ערסטען וויסענשאפטליכען זשורנאל אין זשארגאן, אין פשוט׳ע מאמע־לשון. קיין גרויסע אידישע לעזע־פובליקום האבען מיר ניט געהאט. ערשט נאך פיעלע יאהרען פון פראפא־גאנדא, אגיטאציאן, לעקטשורס און אויפקלערונג; ערשט נאך דעם ווי מיר, דיא אידיש־שפרעכענדע סאציאליסטען און אנארכיסטען אין אמעריקא, האבען מיט פיעל אפפער, מיט פיעל מיה פער־פלאנצט אין אידישען אימיגראנט דעם חשק צו וועלען לעזען עטוואס סעריעזעס, ערנסטעס —

ערשט דאן, ווען דיא „ארבייטער צייטונג" און דיא ערשטע „צוקונפט" האבען אויף זייערע אייגענע ביינער און אויף דיא קאסטען פון זייער אייגענעם לעבענס-זאפט בעשאפען א פארדערונג, א בעדירפניס אין עטוואס ערנסטעס צום דיסקוטירען און בעדענקען, — ערשט דאן, זאג איך, האט געקענט בעשאפען ווערען א פאסענדע לעזער-פובליקום פיר א'ן ערנסטען וויסענשאפטליכען סאציאליסטישען זשורנאל. ביים ארויסגעבען דיא „צוקונפט" אלזא, האבען מיר אזא פובליקום ניט געהאט, און מיר האבען געוואוסט, אז מיר האבען עס ניט. מיר האבען געוואוסט, אז ניט נור דארפען מיר זיך לערנען ארויסגעבען א זשורנאל, נור מיר דארפען אויך לערנען דאס פובליקום צו וועלען אנקוקען אזא זשורנאל.

אונזער אויפגאבע, אלס סאציאליסטען, איז אלזא געווען, גוט איין זינן צו האבען וויא אזוי ארייננצוקריעגען אלין מעהר און מעהר לעזער. אלס סאציאליסטען, וועלכע זוכען צו פערשפרייטען דעם סאציאליזמוס, צו פערגרעסערן די אלגעמיינע בילדונג, אויפצוהייבען דעם ארבייטערס אינטעליגענץ, קלארער צו מאכען זיינע בעגריפע, איז עס נאטירליך געווען אונזער פפליכט אנצוווענדען אלעס מעגליכעס כדי צו האבען מעהר צוהערער ביי אונזערע מאסענפערזאמלונגען און לעקטשורס און צו שאפען מעהר לעזער פיר אונזער צייטונג און אונזער זשורנאל. דאס אלעס איז זעלבסטפערשטענדליך.

ניט ווענינער זעלבסטפערשטענדליך איז עס, אז האבענדיג דיעזען צוועק אין אויג, האבען מיר דאצו געקענט געברויכען נור אזוינע מיטלען, וועלכע זאלען ניט פערדערבען דעם ציעל. אלס סאציאליסטען און פיר דעם סאציאליזמוס האבען מיר געברויכט נור אזוינע מיטלען צו פערשפרייטען אונזער צייטונג און זשורנאל, פון וועלכע דער פעהיגער ביזנעס-פאטריאט און סענטעז-מאכער האט זיך געמיינט מיט רעכט אויסלאכען, אבער פון וועלכע דער סאציאליסטישער פרינציפ האט זיך אויף א האר ניט געטארט אבווענדען. נייז, מיר זיינען געגאנגען נאך ווייטער. מיר האבען זיך זאגאר ענטזאגט צו וועלען ארייננארען דעם לעזער; איהם צו וועלען דערלאנגען דעם סאציאליזמוס אונטער א פערדעקטער פארמע. קיין קונקעל-מונקעל, קיין שטוקעס האבען מיר ניט געמאכט. מיט אונזער אידעאל האבען מיר זיך ניט געשעמט. קיינעם ניט גענארט. מיר האבען אפען און מיט שטאלץ ערקלערט ווער מיר זיינען. „מיר זיינען סאציאל-דעמאקראטען". האבען מיר ערקלערט אויפ'ן ערשטען זייטעל פונ'ם ערשטען נומער פונ'ם ערשטען וויסענשאפטליכען זשורנאל אין זשארגאן. אהן חכמות, אהן קונצען, קורץ און שארף. מיר האבען אויך געהאט דעם מוטה ניט צו בעהאלטען זיך מיט אונזערע טיעפסטע איבערצייגונגען. „דער איינציגער וויסענשאפטליכער סאציאליזמוס איז דער מארקסיזמוס". אזוי האבען מיר געדענקט, און אזוי האבען מיר געזאגט. מיר האבען ניט געפערעדיגט דעם לעזער צו דאס געפעלט איהם. מיר האבען ניט מורא געהאט, אז ער וועט דערפאר זיין אונז א געגנער; מיר האבען ניט מורא געהאט איהם צו פערליערען פאר א קאסטימער; מיר האבען זיך ניט געשראקען, אז דיא סחורה אונזערע זאל פערלעגען ווערען; אז אונזער קרעמעל זאל זיך מוזען צומאכען.

פאר וואס-זשע דאן און ניט יעצט? ווייל ביי דעם גרעסטען טהייל פון דיא געגנאסען איז נאך דאן דער סאציאליזמוס ניט געווען קיין סחורה, און סאציאליסטישע פראפאגאנדא און אגיטאציאן — געשריעבענע אדער געשפראכענע, זיינען נאך דאן ניט געווארען קיין קרעמעל. דאן זיינען נאך דיא געגנאסען געווען סאציאליסטען, ניט נאר זיי האבען געזאגט, אז זיי זיינען עס. דערפאר איז דיא רעדאקציאן דאן בעשטאנען פון אזעלכע סאציאליסטען, וועלכע האבען עס געהאלטען פאר צו נידעריג פיר זיך צו פערשווייגען ווער זיי זיינען. קיין אנדערע וואלטען דאן אין דיא רעדאקציאן ניט געקענט אריין. ווי ווענינ דיא אלע געגנאסען האבען דאן פערשטאנען דיא הארבע פילאזאפיע פון מארקסיזמוס, האבען זיי אבער לייכט געקענט ערקענען, ווער עס רופט זיך סאציאליסט, און ווער עס איז עס טאקי. דער ביזנעס-גייסט האט זיך נאך ניט אזוי שטארק איינגעבאקען אין דיא הערצער פון דיא ארויסגעבער פון אונזערע צייטונגען און אונזער זשורנאל. דאן געפינען מיר אין פיערטען נומער, צ. ב., דיא גוט-בעקאנטע נעמען פון אב. קאהאן, פ. קראנץ, ב. פייגענבוים, ל. מיללער, מ. וו...סקי, און דעם משוגענעם פילאזאף.

דאן האבען דיא אלע געארבייט צוזאמען. דאן זיינען זיי אלע, ווי מענשען פון דיא זעלבע גראד פרינציפען, געווען פעראייניגט אין דער זעלבער ארבייט פיר דעם זעלבען הייליגען צוועק.

וואו זיינען זיי אלע יעצט? צוזייט און צו-

שפריִט... וויא דיא ארויסגעטריעבענע פון א צובראכענע פעסטונג, וואס דער שונא האט איינגענומען; איינער ווייסט ניט פון דעם אנדערען; אדער וויל פון איהם ניט וויסען. איינער ציהט אהער, דער אנדערער אהין.

וואס פאר א'ן אונגליק האט אונז דא געטראפען? ווער איז דער שונא וועלכער האט אונז פארלויפיג בעזיעגט?

דער ריכטיגער אנטווארט אויף דיעזער טרויריגער פראגע איז ניט לייכט צו געבען. אבער פון דיא פיעלע אורזאכען, פון וועלכע האבען געפיהרט צו דיעזען טרויעריגען רעזולטאט, דארף מען ניט פערגעסען פאלגענדעס:

* * *

איינער פון דיא גלענצענדסטע ארטיקלען, וועלכע גענאסע מיללער האט ווען עס איז געשריעבען, איז אהנע צווייפעל זיין ארטיקעל אויף דיא טרויעריגע טהעמא: „וואס זאל מען טאן“, וועלכער איז ערשיענען אין פיערטען נומער פון דיא אמאליגע „צוקונפט“. זאגאר פיר א'ן אמאליגען גענאסע, איז דער ארטיקעל פול מיט ערנסטען, עהרליכען פון הערצען ארויסגעהענדען טרויער פאר דאס יעצטיגע שלעכטע און מיט ענטהוזיאסמוס פאר דאס קומענדע גוטע. גענ. מיללער איז נאך דאן געווען יונג... מיר זיינען אלע דאן געווען יונג... דיא בעוועגונג איז נאך דאן געווען יונג.... אה, זעהר יונג... יעצט וועט שוין מוזען געדויערען א גאנצע גענעראציאן פילייכט ביז דיא בעוועגונג וועט ווידער ווערען אזוי יונג ווי זי אזי דאן געוועזן.

מיט דעם טויט פון אלעקסאנדער דעם צווייטען, איז אויך שטיל געווארען אין דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג אין רוסלאנד. דיא טערראריסטישע בעוועגונג האט איינגעטאן וואס זיא האט געקענט, און דער רעזולטאט איז געווען א ביטערע ענטטוישונג. אין דיא קאנספיראציעס געגען דעם פינסטערען הערשער האט מען פערנאכלעסיגט דעם קאמפף געגען דיא הערשענדע פינסטערקייט. אום צו רעטען דאס פאלק, האט מען דערוויל אן דעמזעלבען פאלק פערגעסען, קיין ארבייטער ארגאניזאציעס זיינען כמעט ניט געווען, און דאס ביסעלע וואס איז געווען האט זיך געשטיקט פון מוטהלאזיגקייט, פון ענטטוישונג. מען האט ניט געוואוסט וואס צו טהון, וואוהין צוצושפארען דעם קאפ, מען איז ארומגעגאנגען וויא צומישטע.

דיא בלוט-הינד פונ'ם צאר האבען אבער דערוויל ניט גערוהט. זיי האבען געזוכט דיא קראמאלע, און אריינצופאלען אין דיא הענד פון דיא זשאנדארמעריע איז געווען נאך לייכטער, ווייל מען האט ניט געהאט וואס צו טהון, עס איז ניט געווען קיין ארגאניזאציאנען, און קיינער האט קיינעם בעצייטענס ניט געווארענט. קיינער איז קיינעם ניט געקומען צו הילף, ווי נאך א פערלוירענער שלאכט איז דעם זיעגרייכען שונא לייכט געווען אויפצוקלויבען דיא צוזייעטע און צערשפרייטע קעמפפער.

צו געהען אין סיביר, אויף דער קאטארגע פאר גאר ניט טהון, און בלויז פאר דעם, וואס מען האט אמאל געטאן — וואלט געווען א פערברעכען. מען האט געמוזט זוכען וואו אנצווענדען דיא רעוואלוציאנערע טהעטיגקייט. א איד און א סאציאליסט האבען ניט קיין פאטערלאנד. איז ניט רוסלאנד, איז אויסלאנד, איז אמעריקא.

דערוויל האט מען געשלאגען דיא אידען, און עס האט זיך אנגעהויבען אן עמיגראציאן. מיט דיא אונבעוואוסטע מאסע זיינען שוין בערייט געווען נאכצופאהרען ענערגישע רעוואלוציאנערען. דיא לעהרער און דיא שיללער זיינען געפאהרען צוזאמען.

דיא ליידען פון דער מאסע האבען איהר געעפענט דיא אויערן צום סאציאליזמוס! דער צאריזמוס האט נאך זיסער געמאכט דאס לידעלע פון פרייהייט, און דיא זיעגער זיינען געווען ענטהוזיאסטיש, יונג, ריין און גלויבענד. יעדער טאן איז ארויס פון הארצען, און האט מיט זיך מיטגעשלעפט א שטיק נשמה. געוואשען אין די ריינסטע בלוט איז דער רויטער פלאג געווען העלל וויא פייער — העלל און ווארם; ווארם און ליכטיג; דערקוויקענדיג און ערפרעהענד. און דיא הארמאנישע נאטען זיינען געווען אזוי זיס, אזוי שטארק, לאסצענד וויא א טייבעלע און מעכטיג וויא א לייב, און דיא אונטערדריקטע, בערויבטע און געשלאגענע אידישע עמיגראנטען אין אמעריקא האבען קיין זיסערע און שטארקערע מעלאדיע ניט געוואלט און ניט געדארפט; פרייהייט, גלייכהייט, ברידערליכקייט — דאס איז געווען די הייליגע דריי־אייניגקייט, וועלכע האט פון דעם דומען אידישען קבצן געמאכט א קלאסענבעוואוסטען פראלעטאריער.

א קלאסענבעוואוסטער פראלעטאריער קען אבער אויסוואקסען נור אויף דעם באדען פון א ציוויליזירטער און ארגאניזירטער בורזשואזיע. דא איז שוין גאר א'ן אנדער געשיכטע. פרייהייט מיינט ביזנעס; גלייכהייט, אז יעדער וואס

בעצאהלט א גוטען פרייז איז צוגלייך א גוטער קאסטימער, גאר אהן אונטערשיעד פון קלאסען, ראסען אדער איבערצייגונגען, און ברידערליכ־קייט לאזט מען איבער אויף קריסטמאס אדער אזוי ווען דיא געשעפטען זיינען פערמאכט.

און א אידען דארף מען צו קיין ביזנעס ניט אנגעוואהנען. דער רוסישער עמיגראנט פער־שטעהט א געשעפט. אין דער צייט וואן ער קלאפט נאך בראווא דעם סאציאליזמוס אויף א פערזאמלונג, טרייט ער איינצופיהרען דעם קאפיטאליזמוס ביי זיך אין דער היים. האל־טענדיג מיט'ן פראלעטאריאט ווילט זיך ווערען א באס. גלויבענדיג אין דעם גליק נאך דער רעוואלוציאן, וויל ער זיך פערבעסערען זיין לאגע פאר דער רעוואלוציאן. מען דארף מאכ־כען א לעבען. דאס איז וואהר. קימערט ער זיך שוין ניט צו מאכט ער א לעבען אלס רויבער, אדער ארבייטער, אלס שווינדלער אדער עהרלי־כער מאן. „ביזנעס, איז ביזנעס!" האנדעל־שאפט איז ניט קיין ברודערשאפט!"

און מיט וועה און ענטריסטונג פרעגט גענ. מיללער „וואס זאל מען טאן?" דאס איז געווען אין יאהר 1892. די אידישע ארבייטער בעוועגונג איז דאן קוים אלט געווען צעהן יאהר און שוין דאן האט גענ. מילער געהאט דאס טרויעריגע רעכט צו שלידערען מיט זיין גאנצער מאכט דיא ביטערע בעשולדיגונג געגען דעם „צושטאנד פון אלגעמיינע דעמאראליזאציאן, אז „אונזער קאמפף געגען קאפיטאל איז געווען פיעל מעכ־טיגער, פיעל ריינער און אידעעלער, ווען מען פלעגט ניט דארפען בעגייסטערען קעמפפערס מיט אסיגנאציעס", און „ענדליך, איז דער גרוי־סער פעלד פון קלאסענקאמפף אומגעוואנ־דעלט אין א פלאץ פון שענדליכסטע צאנקערייען צווישען פערשידענע יוניאנס און ארגאניזאציא־נען." און דאן שוין, נאך מיט דרייצעהן יאהר צוריק, האט אונז וויא מיט א מעסער געשניטען דיא אויגען דער שענדליכער פאקט, אז „דיא בעצאהלטע מיגנעדזשערס", „דיא סיסטעם וועלכע פארדערט דאלארס פיר ענערגיע און טרייהייט" זיינען עס דער צערשטערענדער גיפט אין אונזער בעוועגונג.

איז עס דען יעצט בעסער?

יעצט וויא דאן איז דיא מכה דיא זעלבע. אבער דאן האבען דיא „בעצאהלטע מענע־דזשערס" בלויז געמאכט א'ן ארימען לעבען וויא יעדער אנדער ארבייטער. דיא גענעראלען זיי־נען יעדענפאלס געווען פונקט אזוינע קבצנים וויא דיא פראסטע סאלדאטען. דאן האט מען אם ווייניגסטען פון קיין פעטע פאראזיטען ניט געוואוסט.

און יעצט?

יעצט פונקט וויא דאן זיינען איז דער בעווע־גונג גופא געווען גאנץ ווייניג דאלארס. און וויא גרויס דיא צאנקערייען איבער דיא דאלארס זיינען ניט געווען, איז אבער דיא סומא פון דיא ריכטיגע פאפיערען ניט געווארען גרעסער. און אין אונזער שריפטליכע און מינדליכע פראפא־גאנדא האבען מיר ערקלערט, אז רייך ווערען קען מען נור עקספלואטירענדיג דעם ארבייטער. און ביי פיעלע איז מיט א מאל ליכטיג געווארען אין דיא אויגען: א גוטע עצה, כ'לעבען, און מען האט זיך גענומען צו ביזנעס. דא איז שוין דאס פעלד געווען גרויס; צו שניידען, וואס א'ן אנ־דערער האט פערזייעט, איז געווען א סך. און אמעריקא איז א פרייע מדינה: רייס א פעל וויא פיעל דו קענסט נור! אויפ'ן ארבייטערס ברייטע פלייצע האבען זיך בעוויזען א מאסע פאראזיטען, און א גענאסע א באס וועט פונקט מיט אזא ערנסט, פונקט מיט אזא הערצליכען פערגניגען ארונטערייסען זיינע ארבייטערס ווייגדזשעס, וויא ער וועט מיט א שטונדע שפע־טער אפלאדירען א ריין־סאציאליסטישע פער־דאמונג פון דיא יעצטיגע סיסטעם.

פון וואנען קומט דאס? דיא מכה וועלכע מיר האבען נאך בעמערקט אין 1892, האט זיך נאך מעהר פערגרעסערט אין 1905.

פון וואנען קומט דאס?

איז עס ווירקליך וואהר, אז

„דער געוועזענער האנדווערקער קען
„ניט ווערען קיין פראלעטאריער. — דיא
„אידישע קליינע בעלי־בתים'לעך קענען
„קיין פראלעטאריער ניט ווערען".?

איז דיעזע שוידערליכע בעהויפטונג, וועלכע ווערט געמאכט אין א דעקלאראציאן פון פועלי ציוניסטען אין א גאנץ אנדערע בעציהונג און א גאנץ אנדערען זינן — אויך א וואהרהייט זאגאר אין דעם זינן, אין וועלכען איך געברויך עס דא? איז עס מעגליך, אז גראד דיא יעניגע פון וועמען עס שטאמען יעזוס קריסטוס און לאסאל, ספי־נאזא און מארקס, זאלען מעהר ניט וויא קענען שרייען פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט נור אזוי לאנג ווי זיי ווערען אליין אונטערדריקט און האבען ניט קיינע רעכטע, און זאפארט פער־געסען זיי אלע דריי זאכען ווען נור מי גיבט זיי א ביסעלע פרייהייט? האט אונזער פערגאנ־

גענע היסטאריע אונז געמאכט אונפעהיג און אונ־פאסענד פיר דיא צוקונפט? דאס ווילט זיך ניט גלויבען! דאס קען מען זיך ניט גלויבען.

דיא מאסע קען ניט זיין אידעאליסטיש, פונקט וויא דער דורכשניט קען זיך ניט אויס־גלייכען מיט דיא עקסטרעמען; פונקט וויא דע־געל קען ניט זיין קיין אויסנאהמע, פונקט אזוי קענען דיא מייסטע מענשען ניט זיין דיא באננער טרעגער פון א וועלט־ענדערנדע מיסיאן. דאצו מוז מען האבען דיא ווענינע, דיא איינצעלנע, דאצו מוז מען אימער האבען אלין נייע, אימער נייע קרעפטע. מיר, דיא ערסטע רוסישע עמי־גראנטען האבען געטהון אונזער פפליכט. פיעלע פון אונז זיינען געפאלען; איינינע איז זומפ פון געלד־כאפעריי, איינינע אין די נעגעל פון ארמוטה. נייע קרעפטען דארפען מיר, נייע מענשען, נייע באננער טרענער, נייע סאציא־ליסטען...

איהר, נייע געקומענע רוסישע עמיגראנטען. אויף אייך ליענט דיא פפליכט צו פערנעהמען דיא פאסטענס פון דיא געפאלענע. פון דיא רייהען פון דיא קעמפפענדע רעוואלוציאנערען אין רוסלאנד זייט איהר ארויס — מוזט דא אויפהייבען דעם קאמפף וועלכען איהר האט נור וואס פערלאזען. זאנסט זיינט איהר פעררעטער.

מ. זאמעטקין.

דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג

(דער נייער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער טאג. — דיא דייטשע סאציאלדעמאקראטיע גרייט צום קאמפף געגען דער רעאקציאן. — דער קריזיס אין בערלינער „פארווערטס“ און דיא „פרייהייט פון דער פרעסע“. — דיא פראנצויזישע סאציאליסטען פעראייניגט צום קאמפף. — דיא נייע שטרעמונג אין דער איטאליענישער סאציאליסטישער וועלט. — דער סינדיקאליזמוס. — דיא וואהלען אין ענגלאנד און דער פראלעטאריאט. — דער שטילשטאנד אין דער אמעריקאנער סאציאליסטישער בעוועגונג.

אונזערע נייע חברים.)

די סאציאליסטישע וועלט האט איזא איהר נייעם אינטערנאציאנאלען רעוואלוציאנערען טאג. דאס איז דער 22טער יאנואר.

דער „רויטער זונטאג“ אין פעטערסבורג איז פאר א יאהרען גע־פלאנצוועט געווארען פון ניקא־לאיען און זיינע בלוט־הינד כדי אין דעם טייך פון דיא פראלעטאריער־בלוט צו דערטרינקען דיא רעוואלוציאן. דער „רויטער זונטאג“ איז גע־ווארען דאנק דער ענערגיע און העלדענמוטה פון דיא רוסישע פראלעטאריער און רעוואלוציאנע־רען אן אלגעמיינער אינטערנאציאנאלער רעווא־לוציאנערער טאג. ווען דיא שורות געהען צום דרוק, ווייסען מיר נור דערווייל וועגען דיא פלענער און פארבערייטונגען, וואס ווערען געמאכט צום 22טען יאנואר. מיר ווייסען, אז אין רוסלאנד רעדט מען וועגען אן אל־געמיינעם בעוואפענטען אויפשטאנד. מיר ווייסען, אז איבעראל אין אייראפא און אפילו ביי אונז אין אמעריקא גרייט מען זיך צו פייערן דעם טאג. מיר ווייסען, אז דיא אלע פארבערייטונ־גען רופען ארויס ענטהוזיאזמוס ביי דיא אונ־טערדריקטע און אונרוהע ביי די אונטערדריקער.

ווען דיא שורות געהען אין דרוק, ווייסען מיר נאך ניט וויא דער רעוואלוציאנערער טאג וועט פארביי. מיר ווייסען אבער שוין, אז דער ערשטער רעוואלוציאנערער יאהר האט געלא־זען טיעפע שפורען אין דער גאנצער סאציאלי־סטישער וועלט און דערפאר אליין איז שוין כדאי צו פייערן דעם 22טען יאנואר, דעם אבשלום פון ערשטען רעוואלוציאנס־יאהר אין רוסלאנד, אלס אלגעמיינעם אינטערנאציאנאלען סאציאליסטישען רעוואלוציאנערען טאג.

* * *

געדיינקט דעם 22טען יאנואר! האבען דיא רוסישע רעוואלוציאנערען אין פערלויף פון פאַ־ריגען יאהר געשריען צו דיא פראלעטאריער און צו דיא רויבער־באנדעס ביים רוסישען הויף. געדיינקט רוסלאנד! האבען דיא סאציאליסטען פון דער גאנצער וועלט געשריען צו זייערע הער־שער און אונטערדריקער. עפעס וויא אלעמען איז עס אויסגעקומען צו דערמאנען אונזערע דייטשע גענאסען.

דרעזדען (דיא הויפט שטאדט פון זאקסען) האט אין דיא לעצטע צייט געהאט זאגאר איהר

אייגענעם „רוויטען" טאג. דיא זאקסישע ארביי־
טער האבען אין פערלויף פון דעצעמבער אויפ־
געהויבען אן ערנסטע פאלקסבעוועגונג געגען דעם
וואהלרויב וואס איז געשעהען געווארען
פאר א יאהר 7 צוריק, ווען מען האט ביי
זיי אוועקגענומען זייער וואהלרעכט. און דיא
זאקסישע פאליציי, וועלכע איז אזוי בעריהמט
אלס א נאטור־טרייע קאפיע פון דער רוסישער
פאליציי, האט געוואלט אויך דארט מיט בלוט
דערשטיקען דיא נייע בעוועגונג. בלוט איז פאר־
גאסען געווארען אין דרעזדען. פערזאמלונגס־
רעכט איז אוועקגענומען געווארען אין לייפציג
און אין אנדערע זאקסישע שטעדט און ועל כולם
האט מען גענומען ריידען אין זאקסען און אין
פרייסען וועגען נייע געוואלטמיטלען געגען דיא
סאציאלדעמאקראטען און געגען דיא פראלעטא־
ריער בכלל.

מיט א יאהר צוריק האבען דיא אלע זארטען
פלענער ארויסגערופען אונרוהע צווישען דיא
ארבייטער. אבער איצטער איז געקומען דער גע־
דיינקט רוסלאנד. זעהר כאראקטעריסטיש פאר
דיא שטימונג צווישען אונזערע דייטשע גענא־
סען איז געווען א לייטארטיקעל אין בערלינער
„פארווערטס": „ביז דאנען און ניט ווייטער!"
„דיא גאנצע קאנסערוואטיווע פרעססע", ווערט
דארט דערצעהלט, — „בילט אין א פערטויבענדען
כאר נאך געוואלט־מיטלען געגען דעם דייטשען
פראלעטאריאט. — אבער וואס פאר א משוגענע
אידעע — רופט אוים דיא צייטונג — דיא הער־
שענדע קלאסען זיינען פערבלענדעט דורך דעם
וואס דער פאלק האט ביז איצט געשוויגען און
געטראגען אויף זיך דעם יאך פון דעם הייפעל
הערשער. אבער ווען דיא בעזיצענדע קלאסען,
וועלכע בעשטעהן אין פרייסען ניט מעהר וויא
4 און א האלב פראצענט מיט א הכנסה פון מעהר
וויא 3000 מארק (750 דאלאר בערך) א יאהר —
וואלטען איבערהויפט געווען פעהיג עפעס וואס
צו לערנען פון דער רוסישער דראמא, דאן וואל־
טען זיי פערשטאנען, אז דיא מאסען מאכען
אליין דיא היסטאריע. און קען מען דען גלויבען,
אז ביים לאנגמוטהיגען דייטשען פאלק וועט סוף
כל סוף פלאצען דיא געדולד?"

* * *

דער קריעג „נאך אויסען" איז נור איין זייט
פון לעבען פון דער דייטשער סאציאל־דעמאקרא־
טיא. אויך א „אינעווייניגסטען" קריעג האט
זיא אין דיא לעצטע צייט דורכגעמאכט. ארויס־
גערופען האט עס דער „בעריהמטער" קריזיס אין
דער רעדאקציאן פון צענטראל ארגאן, דעם בער־
לינער „פארווערטס".

דער קאמפף צווישען דיא צוויי ריכטונגען
אין דער דייטשער סאציאל דעמאקראטיא; דער
קאמפף צווישען דעם ראדיקאלען, מארקסיסטי־
שען או רעוויזיאניסטישען פליגעל האט זיך אונ־
ערווארטעטערהייט ווידער צופלאקערט, מיט א
שטארקייט, מיט א פערביטערונג, וויא אין זיינע
„פריהלינגס־טעג."

ווידער אמאל זיינען עס געווען דיא „לי־
טעראטען", וועלכע האבען פארקאכט דיא גאנצע
קאשע און האבען אויפגערעגט דיא גאנצע פאר־
טיי.

דיא נייעסטע „ליטעראטען רייסעריי" — אזוי
רופט מען צווישען דיא גרויסע ארבייטער מאסען
דיא סכסוכים און דעבאטען צווישען דיא שריי־
בער און פיהרער — איז ארויס פון דעם רעדאק־
ציאנס קריזיס אין הויפט ארגאן פון דער פארטיי,
אין בערלינער „פארווערטס".

שוין פון לאנג אן האבען אלע געוואוסט, אז
עס איז עפעס ניט גלאט אין יענע רעדאקציאן.
אין דערזעלבער רעדאקציאן זיינען געזעסען צוויי
אבגעזונדערטע פיינדליכע פארטייען. יעדע פון
זיי האט געהאט איהרע בעזונדערע מיינונגען
וועגען דעם, וויא דיא רעדאקציאן דארף געפיהרט
ווערען. יעדע פון זיי האט געהאט איהרע בע־
שטימטע מיינונגען וועגען דיא וויכטיגסטע פרא־
גען פון פאליטיק און סאציאליסטישער טאקטיק.

דאס וואלט נאך געווען א האלבע צרה. דיא
צרה איז אבער געווארען א גאנצע צוליעב פאל־
גענדע אומשטענדען: זינט נאך ליבקנעכטס
טוידט איז אין דער רעדאקציאן פון „פאר־
ווערטס" אבגעשאפט געווארען דיא שטעלע פון
א הויפט רעדאקטאר, עס איז אנשטאט דעם
איינגעפיהרט געווארען אבצושטימען יעדע וויכ־
טיגע פראגע צווישען אלע מיטגליעדער פון סטעף
(רעדאקטארען רופט מען זיי אין דייטשלאנד).
דיא רעדאקציאן ווערט אויף אזא אופן גע־פיהרט
פון דער מאיאריטעט פון דיא רעדאקטארען.

עס איז זעלבסט פערשטענדליך, אז דער
הויפט ארגאן פון דער פארטיי האט געדארפט
על פי יושר געפיהרט ווערען אין דער ריכטונג,
אין וועלכער עס האלט זיך דיא פארטיי. דיא
אלע פארטיי־טאגען האבען קיין ברעקעל ספק
ניט געלאזען פאר קיינעם, אז דיא הערשענדע
ריכטונג איז דיא ראדיקאל (אדער אויב אייך
געפעלט בעסער דיא „ארטאדאקסיש") מארק־
סיסטישע. דיא אפארטוניסטען, רעוויזיאניס־

טען, בערנשטייניאנער און וויא זיי הייסען דארט אלע געפינען צווישען דיא גרויסע מאסען זעהר א קליינעם אבקלאנג.

גאנץ פארקעהרט איז אבער געשעהן אין צענטראל־ארגאן פון דער פארטיי. שוין יאהרען, אז דיא מאיאריטעט פון דער רעדאקציאן איז דארט א רעוויזיאניסטישע און דיא ראדיקאלע ריכטונג, וועלכע הערשט אין דער פארטיי, ווערט אונטערדריקט אין דער רעדאקציאן פון הויפט־ארגאן. געשעהן איז עס צופעליג. מען האט איינפאך א טעות געהאט אין א פאר מיטגליעדער פון סטעף. מען האט זיי אנגעשטעלט אלס ראדיקאלען, אבער זייענדיג אינעווייניג, האבען זיי איבערגעביטען זייער ריכטונג און זיך אנגעשלאסען אן דיא רעוויזיאניסטען. דערמיט איז דיא רעוויזיאניסטישע ריכטונג געווארען דיא הערשענדע. און איהר הערשאפט האט זיא געפיהרט סיסטעמאטיש, ניט אבלאזענדיג דיא לייצעס.

מען קען זיך לייכט פארשטעלען, אז אזא אוננאטירליכע לאגע' האט ארויסגערופען פיעל בייזע בלוט צווישען דער מאיאריטעט פון דער פארטיי. און אז לאנג האט עס ניט געקאנט אנהאלטען.

דיא פראגע איז ארויסגעשפרונגען נאך פאר'ן לעצטען פארטיי טאג. זיא האט זיך פארוויקעלט אין דער פארם פון א פאלעמיק צווישען קויטסקי, דעם גייסטיגען פיהרער פון דער פארטיי, און דעם גלענצענדסטען פון דיא „פארווערטס" רעדאקטארען — אייזנער.

אויפ'ן פארטיי־טאג איז ניט פערהאנדעלט געווארען, וואס מען זאל טהון מיט דער רעדאקציאן פון „פארווערטס". בעבעל האט אבער אין נאמען פון פארטיי־פארשטאנד (עקזעקוטיוו) געלאזט וויסען, אז עפעס וואס וועט געטהון ווערען, וויל דיא איצטיגע צושטענדע זיינען אזוי ניט נאטירליך, אז זיי קענען ניט ווייטער אנהאלטען.

און עס איז געטהון געווארען! דער פארטיי־פארשטאנד האט זיך מיישב געווען מיט דיא פארשטעהער פון בערלינער ארגאניזאציאנען (פערטרויאונגס־מענער) און מיט דער פרעס־קאמיסיאן און ער איז בעשלאסען געווארען צו אנטזאגען דיא צוויי רעדאקטארען, אין וועלכע מען האט זיך אבגענארט. דער חשבון איז געווען א פראסטער: מען וועט אויף זייער ארט אנשטעלען מענשען פון דער ריכטונג, וועלכע מען וויל האבען אז דיא צייטונג זאל טראגען, פו דער ראדיקאלער ריכטונג, מענשען, אין וועלכע מען האפט זיך ניט אבצונארען. דאן וועט דיא מאיאריטעט אין דער רעדאקציאן זיין א מארקסיסטיש ראדיקאלע, דאס הייסט אזא, וויא אין פארטיי־פארשטאנד, אזא וויא אין דער פרעס־קאמיסיאן, אזא וויא אין דער פארטיי בכלל.

אט דא אבער האט דיא זאך אנגענומען דיא פארמע פון א סקאנדאל. דיא איבעריגע רעדאקטארען פון דער געוועזענער מאיאריטעט האבען „ויסגעדריקט זייער סאלידאריטעט מיט זייערע בעשטראפטע חברים" און האבען ערקלעהרט, אז זיי וועלען ארויס אין סטרייק.

אויף אזא אופן האבען מיר באקומען א סטרייק און א קריזיס אין דעם הויפט ארגאן פון דער סאציאל דעמאקראטישער פארטיי.

דער פארטיי פארשטאנד צוזאמען מיט דער פרעס קאמיסיאן, צוזאמען מיט דיא פערטרוי־אונגס מענער פון בערלינער פארטיי ארגאניזאציאנען האבען דיא זאך וויעדער פערהאנדעלט און עס איז בעשלאסען געווארען זיך צו בענוצען מיט'ן „פריינדליכען" פארשלאג פון דיא „פראטעסטירענדע" רעדאקטארען און זיי אלעמען קינדיגען דיא שטעלען.

דערמיט האט אבער דיא סקאנדאל לוסט ערשט רעכט באקומען פרישע נאהרונג און נייע קראפט. דיא „געסעקטע" רעדאקטארען האבען אויפגעהייבען א שטורם. זיי האבען גענומען שרייבען און שרייען וועגען „צענזור", „וועגען פארניכטונג פון מיינונגס פרייהייט" א. ז. וו. שטייטש, פאר פרינציפיעלע מיינונגס פערשיעדענהייט האט מען זיי געסעקט.

דיא פארטהיידיגער פון פארטיי־פארשטאנד — קויטסקי, לעדעבור און אנדערע פיהרער — טעהנען אבער גאנץ אנדערש: געוויס — זאגען זיי — האט איהר דאס רעכט צו שרייבען אלץ וואס איהר ווילט, אויסצודריקען מיינונגען, וועלכע איהר געפינט פאר ריכטיג אבער דאס אלץ אין אייער אייגענעם נאמען, אין איירע אייגענע שריפטען. איהר קענט דאך אבער ניט פערלאנגען, אז ווען דיא פארטיי אדער וועלכע עס איז אן ארגאניזאציאן גיט ארויס א צייטונג, פאר איהרע צוועקען, א צייטונג, פאר וועלכע זיי זיינען פעראנטווארטליך אז דיא צייטונג זאלט איהר פיהרען אזוי וויא זיי ווילען *ניט*. דיא פרייהייט, וועלכע איהר רעדאקטארען פאדערט פאר זיך צו קענעןריידען אין *נאמען פון דער צייטונג*, וואס *איהר* ווילט הייסט דאך אונפרייהייט פאר דיא ארגאניזאציאנען.

עס וואלט געווען אונגערעכט, עס וואלט געווען ברוטאל צו פאדערען פון רעדאקטארען, זיי זאלען שרייבען ניט דאס וואס זיי דענקען. דאס קען קיין ארגאניזאציאן אין דער וועלט ניט פאדערן, אבער דאס פאדערן מיר גאר ניט. מיר זאגען נור, וויא באלד אז דיא וואס גיבען ארויס דיא צייטונג מיט בעשטימטע צוועקען (דיא ארגאניזאציאן) און דיא רעדאקטארען, וועמען עס קומט אויס דורכצופיהרען דיא צוועקען פארשטעהען איינע דיא אנדערע ניט און געהן פארשיעדענע וועגען, דאן איז פארהאנדען נור איין מיטעל: זיך פארנאנדערגעהן, איהר געהט זיך אייער וועג, מיר וועלען זוכען אונזערע מענשען.

דער קריזיס איז שוין לאנג געענדיגט. איצט איז אויך דער סקאנדאל איינגעשטילט געווארען.

* * *

שטיל און פריעדליך איז אין דעם לאנד, פון וואנען מען איז אין דיא לעצטע יאהרען געוואהנט געווען צו הערען נור וועגען שפאלטונגען און רייסערייען. מיר מיינען פראנקרייך. דער ערשטער פארטיי־טאג פון דער פאראייניגטער פארטיי איז שלאן און דיא נאהענטקייט פון דער גרויסער שלאכט „נאך אויסען", פון דיא וואהלען אין פארלאמענט האבען ביידע פיעל מיטגעהאלפען צו בערוהיגען דיא גייסטער און פעסטער צו פעראייניגען דיא פערשיעדענע שטרעמונגען, וועלכע עקסיסטירען אין דער פעראייניגטער פארטיי.

מען איז אויפ'ן פארטיי טאג געווען אזוי פארזיכטיג אז מען האט זאגאר זיך געהיט צו ריידען וועגען צוויי „ריכטונגען" אין דער פארטיי. דיא טאקטיק ביי דיא וואהלען איז אנגענומען געווארען איינע. זיא הייסט: „דער פארטיי־טאג ערקלעהרט פאר דיא פפליכט פון דער סאציאליסטישער פארטיי ביי דעם ערשטען וואהל־גאנג א י ב ע ר א ל אויפצושטעלען קאנדידאטען און איבעראל אנצופיהרען דעם קעמפיין". נור ביי דעם צווייטען וואהלגאנג, ביי דיא שטיך וואהלען „לאזט דער פארטיי־טאג איבער פאר דיא איינצעלנע פעדעראציאנען צו בעשטימען וויא זייער האלטונג זאל דיענען אם בעסטען פאר דיא אינטערעסען פון פראלעטאריאט און פון דער סאציאלער רעפובליק".

מיט פעראייניגטע קרעפטען גרייטען זיך אונזערע פראנצויזישע גענאסען אלזא צום נעקסטען וואהל־קאמפף און זיי האפען אויך אויף גוטע ערפאלגען. דיא וואהל פון 2 סענאטארען צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון דער סאציאליסטישער פארטיי אין פראנקרייך דיענט פאר א גוטע התחלה. אויך איז דער טרייד־יוניאניסטישער בעוועגונג אין פראנקרייך באמערקט זיך אין דיא לעצטע צייט דיא שטרעבונג אראפצוווארפען פון זיך דעם פעדעראליסטישען כאראקטער און אלץ מעהר זיך צו צענטראליזירען און פעסטער זיך צו פעראייניגען. דיא צאהל געווערקשאפטען (סינדיקאטען) אין פראנקרייך איז איצט 4625, צו זיי געהערען 781.344 ארבייטער, דערפון 69.405 ד. ה. 9—8 פראצענט פרויען. פאר דיא לעצטע 8 יאהר, זינט דעם יאהר 1898, האט דיא צאהל מיטגליעדער זיך פערדאפעלט.

* * *

ניט שטיל און ניט רוהיג איז אין איטאליען. נאך גאר ניט לאנג האט אין איטאליען געקאכט מיט'ן אפארטיוניזמוס, רעוויזיאניזמוס און וויא זיי הייסען דארט אלע דיא שטילע, דיא פריעדליכע „פראקטישע" מענער.

פאר דיא לעצטע צייט איז דער רעוויזיאניזמוס אריינגעפאלען אין אום־חן אויך אין איטאליען. אנשטאט איהם האבען מיר א רעוויזיאניזמוס פון דער פארקעהרטער זייט. א רעוויזיאניזמוס פון צו ראדיקאלער זייט, וועלכער וויל מקרב זיין דיא גאולה.

דיא בעוועגונג רופט מען „סינדיקאליזמוס" זיא בעשטעט בעצם אין דעם, וואס זיא לייגט דעם הויפט געוויכט ויף דיא „סינדיקאטען". (געווערקשאפטען) עס זיינען היינט זאגאר שוין דא ניט איין „סינדיקאליסטישע" ריכטונג נור צוויי. איינע אין מילאן, מיט איהר צייטונג „אוואנגארדיא סאציאליסטא". איהר טהעארעטיקער איז לאבריאלא. דיא צווייטע — אין רוים. זיא האלט זיך ארום דיא צוויי צייטונגען „דעווינירע סאציאלע" און „סינדיקאטא אפעראריא". דעם גייסטיגען שטעמפעל האט אויף איהר ארויפגעלייגט ענריקא לעאנע.

לאבריאלא באגרינדעט דעם סינדיקאליזמוס אזוי: „מיר ווילען דערגרייכען אונזערע ציעלען דירעקט, ניט דורך דיא ווירקונג אויף דיא עפענטליכע געוואלטען. דיא פראקטיק וויזט, אז דיא סינדיקאטען (געווערקשאפטען) פארבעסערן ניט נור דיא לאגע פון דיא ארבייטער, נור זיי פארבעסערן דיא ארבייטער אויך מאראליש און גייסטיג. זיי ווירקען ניט נור, אז דער ארבייטער זאל בעקומען בעסער געצאהלט. זיי פארבעסערן אויך די סחורות און פארגרעסערען אויך דיא פראדוקציאן. און אט אין דעם פרינציפ פון דיא סינדי־

קאטען (געווערקשאפטען) דערקענען מיר אויך דיא קראפט, וואס וועט ברייננגען דיא סאציאלע רעוואלוציאן. אין יעדער אינדוסטריע וועלען די ארבייטער דורך דעם סינדיקאט אריבערנעהמען דיא פראדוקציאנס מיטלען אין זייערע הענד. און אט אין דעם בעשטעהט דיא רעוואלוציאנערע טהאט".

אין קורצע און איינפאכע ווערטער הייסט עס: דיא עקאנאמישע ארגאניזאציאן פון דער ארבייטער קלאסע ווערט ערקלעהרט פאר דיא הויפט זאך. דיא פאליטישע ארגאניזאציאן (דיא פארטיי) ווערט פון לאבריאלא פארשטופט אלס א ניט זעהר וויכטיגע און ניט זעהר ניצליכע זאך. זיא ווערט פון דער רוימישער ריכטונג און איהר פיהרער ענריקא לעאנע ערקלעהרט פאר שעדליך, פאר א זאך, וועלכע מען מוז בעקעמפפען, לעאנע וויל פעראייניגען אלע ארבייטער אונטער דער פאהן פון סינדיקאליזמוס, ארויסצושטעלען אייגענע קאנדידאטען כדי צו קענען האנדלען „ד י ר ע ק ט" ניט דורכ'ן פארלאמענט.

מיר האבען דא נור אנגעוויזען אין א פאר הויפט שטריכען דעם פאך פון דער נייער ריכטונג. מיר וועלען ביי אנאנדער געלעגענהייט דיא זאך אויספיהרליכער ארום ריידען און ק ר י ט י ש בעטראכטען.

* * *

דער „סינדיקאליזמוס" בויט זיינע גאנצע האפנונגען אויף דער אוטאפיע, אז „בעפרייענדיג זיך" פון דער פארטיי וועלען זיי קענען פעראייניגען ד ע ם ג א נ צ ע ן ארבייטער קלאס. דיא הארטע ווירקליכקייט ווייזט אבער, אז „בעפרייענדיג זיך פון דער פארטיי", בלייבט דער ארבייטער קלאס שטענדיג און איבעראל פיעל אהנמעכטיגער און הילפלאזער, וויא ווען ער איז „געטהיילט" דורך דער פארטיי. דאס קען מען שוין פון לאנג אז זעהען אין דער קלאסישער לאנד פון קאפיטאליזמוס, טרייד־יוניאניזמוס און „בעפרייאונג" פון דער פארטיי אין ענגלאנד, דער פראלעטאריאט האלט זיך דאר אן דיא פאלעס פון דער קאפיטאליסטישער ליבעראלער פארטיי און איז באשטראפט דערמיט, וואס דיא פאליטיק פון לאנד ווערט געפיהרט — אזוי צו זאגען — פארביי איהם. מען טהוט עפעס פאר דיא ארבייטער פון צייט צו צייט. מען טהוט פיעל געגען דיא ארבייטער. אבער ביי דיא אלע אנגעלעגענהייטען שפיעלט דער ארבייטער קלאס דיזא אונ־ווירדיגע ראלע פון א איידעם אויף קעסט ביי דער בורזשואזיע. ער קען בעטען, ער קען פראטעסטירען... נור ווען דיא פארשטעהער פון דער בורזשואזיע בעטען אן פראטעסטירען פאר איהם.

און איצט, ווען עס איז געקומען וויעדער צו דיא וואהלען, ווען אי דער שטימונג פון לאנד איז געווארען אזא גרויסע ענדערונג, ווען אזא גרויסע אונצופריעדענהייט פיהלט זיך אין לאנד, ווען אזא גרויסער קריזיס און ארבייטסלאזיגקייט הערשען, איצט איז געקומען דיא נייע רעגיערונגס־פארטיי און האט געמיינט צו קענען צובינדען נאך פעסטער צו זיך דעם גרויסען ריזע, דעם פראלעטאריאט דורך א איבערגעבערענטען שטרוי, דורך דעם, וואס א ג ע ו ו ע ז ע נ ע ר סאציאליסט און א ג ע ו ו ע ז ע נ ע ר ארבייטער פיהרער איז געמאכט געווארען פאר א מיניסטער. דזשאהן בוירנס איז שוין לאנג אוים סאציאליסט, שוין לאנג א טרייער אונטערטהאן פון דער ליבעראלער פארטיי. פון דעסטוועגען בעריכטען אונז דיא צייטונגען — אז אויף דיא גרויסע ארבייטער מאסען אין ענגלאנד האט זיין אנוועזענהייט אין מיניסטעריום געמאכט א טיעפען איינדרוק. אבער צו וועלען זיי אויך דעם מאל בלייבען טריי... אין זייער קנעכטשאפט צו דער בורזשואזיע, דאס איז א גרויסע פראגע. דיא עקאנאמישע אומשטענדען און דיא גייסטיגע ענטוויקלונג פון דיא ענגלישע ארבייטער, טרייבען זיי אלץ מעהר אויף דעם וועג פון זעלבסט־שטענדיגע ארבייטער פאליטיק.

געוויס, דיא סאציאליסטען פון אלע פראקציאנען האבען גאנץ אנדערש בעגעגענט דעם נייעם מיניסטער און געוועזענעם „גענאסע", אבער ענגלאנד איז דאך א לאנד, וואו דיא גרויסע ארבייטער מאסען זיינען דערוויילל ליידער „בעפרייט" פון דעם איינפלוס פון דער סאציאליסטישער פארטיי. ווען דיא שורות ווערען געשריעבען שטעהט דער וואהל־קאמפף נאך ביים אנפאנג, אבער ווען דיא שורות וועלען געדרוקט ווערען, וועלען דיא רעזולטאטען שוין זיין בעקאנט, און — דערפאר לאזען מיר איבער דיא פראגע אויף א צווייטען מאל. מיר וויסען אבער איין זאך, רעדט וואס איהר ווילט מיט דער פראלעטארישער „בעפרייאונג" פון דער פארטיי איז דיא זעלבע זאך, וויא מיט זייער „בעפרייאונג פון אייגענטהום. ·

* * *

מיר האלטען שוין ביים סוף פון אונזער איבערבליק און מיר האבען נאך גאר ניט דערמאנט וועגען אונזערע היימישע אנגעלעגענהייטען. אבער מיר קענען דיא שולד דאפיר ניט נעהמען אויף זיך, מיר וואלטען גערן געווידמעט א סך פלאטץ צו אונזער היגער בעוועגונג, ווען מיר וואלטען געהאט וואס ערנסטעס, וואס וויכטיגעס צו בעריכטען. לײדער האבען מיר עס ניט: ניט אין דער פארטיי אין אלגעמיין, ניט אין דער אידישער סאציאליסטישער בעוועגונג.

* * *

דיא אידישע סאציאליסטישע פרעסע האט זיך אין לעצטען חודש בעדייטענד פערגרעסערט. נאך א נייער חבר אין רוסלאנד, „דער וועקער“, צענטראל ארגאן פון אידישען אלגעמיינעם ארבייטער בונד, א טעגליכע צייטונג, ערשיינט אין ווילנא. דיא ערשיינונג פון „וועקער“ „אויף דער ערד“ איז אן עפאכעמאכענדע פאסירונג, אי אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראטור, אי אין דער געשיכטע פון אידישען פאלק.

מיט דעם „וועקער“ זיינען ארויס פון „אונטער דער ערד“א סך ערנסטע טאלאנטפאלע סאציאליסטישע שרייבער, וועלכע האבען געשאפען דיא גרויסע ליטעראטור פון „בונד“. צו זיי זיינען צוגעשטאנען פיעל שוין פריהער בעוואוסטע און טאלאנטפאלע שרייבער. דאס אלץ, צוזאמען מיט דעם פאקט וואס דער „וועקער“ ווערט ארויסגעגעבען פון „בונד“ אלס זיין צענטראל ארגאן, גיט אונז דיא פעסטע איבערצייגונג, אז דיא צייטונג וועט זיין א מוסטער בלאט פון אן ערנסטע, עהרליכע און פעהיגע סאציאליסטישע צייטונג. דיא עקסיסטענץ פון „וועקער“ וועט אויך, האפענטליך, זיין אלס גוטער ביישפיעל פאר אונזער היגע סאציאליסטישע אידישע פרעסע. אויף א לעבעדיגען ביישפיעל וועלען אי דיא הערויסגעבער, רעדאקטארען און מיטארבייטער זעהען וויא עס קען עקסיסטירען און האבען א'ן ערפאלג א'ן ערנסט פרינציפיעלע אידישע סאציאליסטישע טעגליכע צייטונג. און נאך מעהר האפנונג לייגען מיר אויף דיא לעזער. זיי וועלען זיך לערנען צו פאדערן, אז אויך אונזער היגע אידישע סאציאליסטישע פרעסע זאל ווערן ערנסטער, טיעפער סאציאליסטישער.

אונזער צווייטער חבר, אויך א טעגליכע צייטונג, ערשיינט דא ביי אונז, איז אונזער נאהענטער שכן פון 175 איסט בראדוויי. דיא „פארווערטס פרעס אסאסיאיישאן“ האט פון 15טען יאנואר גענומען ארויסגעבען אויך א טעגליכע „מארגען צייטונג“.

אז דיא אידישע בעפעלקערונג פון אמעריקא נויטיגט זיך אין א סאציאליסטישער מארגעןצייטונג קען קיין שום ברעקעל ספק ניט זיין עס האט זי דגעמאכט אז געראדע דיא רעאקציאנערסטע און שמוציגסטע פון אלע אידישע רעאקציאנערע שמוציגע בלעטער האט ביז איצט געהאט דיא מאנאפאל אויף דיא אידישע לעזער ביז 2—3 א זייגער נאכמיטאג. דערפאר האט זיא בעקומען אזא גרויסע פארשפרייטונג און דערפאר איז זיא געווארען אזא געפעהרליכע מכה.

דיא נייע צייטונג, „דיא מארגען צייטונג“, איז א סאציאליסטישע ארבייטער צייטונג, אין איהר פראגראם ארטיקעל פערשפרעכט זיא צו דיענען טריי דיא ארבייטער אינטערעסען, צו קעמפפען ערנסט פאר'ן סאציאליזמוס. מען זאגט אונז, אז דער רעדאקטאר איבער סאציאליזמוס איז דארט גענ. ב. פייגענבוים. אז גענ. פייגענבוים איז א טרייער סאציאליסט דארף ער קיין הסכם ניט. אויסער איהם געפינען מיר נאך דעם נאמען פון מ. זאמעטקין, אלס שטענדיגער מיטארבייטער פון דער נייער צייטונג. און דאס גיא אונז דיא האפנונג, אז דיא פערשפרעכונגען וועט אויך אויסגעפיהרט ווערן.

מיר גראטולירען הערצליכסט אונזערע נייע חברים און ווינשען זיי א גלענצענדען ערפאלג ניט נור א פינאנציעלען, נור אויך א מאראלישען.

„זייט פארנינפטיגעס, גוטעס, עהרליכעס, א דאנק וועט אייך זאגען דאס אידישע פאלק“!

קריטיק

צוויי ערציילונגען פון מ. ספעקטאָר.

„א סטריק פון קבצנים“ און „אַ פינסטערע חתונה“, פערלאַג „ביכער פאַר אלע“, ווארשא, דלוגא 26; פרייז 5 קאָפּיקעס אַן ערציילונג.

די צוויי ערציילונגען, וועלכע ליגען פאַר מיר, זיינען זעהר אינטערעסאנט אין פיעלע הינזיכטען, און זיי פארדינען אז מען זאָל וועגען זיי ריידען, און ריידען מעהר וויא וועגען א סך אַנדערע קליינע ערציילונגען. דער „סטרייק פון קבצנים“ פארדיענט אז מען זאָל מכח איהר ריידען טאקע צוליעב איהם אליין, ווייל דאָס איז א ברילליאנטענע שטיקעל ארבייט. וועגען דער צווייטער, „די פינסטערע חתונה“, וואָלט מען פון איהר אליין וועגען, געמעגט שווייגען. מען טאָר דאָס אָבער ניט טאָהן, ווייל אין איהר ליגט א גוטער ביישפיעל פון דעם וואו ספעקטאָר איז א גוטער, לעבעדיגער שרייבער, און וואו זיין פאַרב קומט ארויס גאַנץ בלייך. אויך איז דאָס א נייע בעשטעטיגונג פון דעם אלטען כלל, אז שרייבען רעאליסטיש, דאָס הייסט שרייבען פון זאכען מיט וועלכע דער שרייבער איז גאַנץ גוט בעקאַנט, איז א סך גענזינטער און לעבעדיגער, איידער ווען מען שרייבט פון זאכען מיט וועלכע מען קען זיך נאָר פון ווייטען. די צוויי ביכעלאך זיינען ניט פארבונדען צווישען זיך, און עס איז ניט מעהר וויא א צופאַל וואָס מיר קומט אוים צו ריידען וועגען זיי ביידען פאַר איין מאָל. און דאָך וואָלט געווען זעהר קרום צו בעשפרעכען די צוויי ערציילונגען בעזונדער. ביידע ערציילונגען זיינען געשעפּט פון דעם זעלבען גייסטיגען קוואַל, ביידע קומען ארויס פון דעם זעלבען בליק אויף דער אידישער וועלט, און אין ביידע פינקעלט דער טרויעריגער שיין פון דער פארגעהענדער זונן פון דער אלטער אידישער גרויסקייט און שיינקייט.

דער „סטרייק פון קבצנים“ איז א בילד פון א פארצייטיגער אידישער חתונה, א „חתונה וואו יודען און יודישע טעכטער געהען געקליידעט אין די זעלבע שבת יום־טוב'דיגע קליידער, אין וועלכע זיי געהען אין שול אריין. א חתונה וואו מען פערבייסט מיט לעקעך און שטרודעל; מען עסט שבת'דיגע פיש מיט פרישע בולקעס.“ און דער בילד איז רייך, קלאָהר, אויסגעשאָטען מיט קליינע בילדעלאך, און שוימט און שווימט אריבער מיט לעבען און פרישקייט, און בליסצעט מיט „נעגעלאך“, וועלכע מאכען ליכטיג אין קאָפּ פון דעם לעזער, כישוף'ן דאָרטען ארוים גליקליכע, שוין מיט מאָך פערוואַקסענע ערינערונגען פון די קינדער־יאָהרען, און טראָגען איהם אריבער ווייט אין דעם אָרט וואו זיין וויגעלע איז געשטאנען.

שוין פון די פּאָר שורות וואָס איך האָב אָט ערשט געבראכט פון דער ערציילונג וועגען די מלבושים פון די מחותנים מיט די מחותנת'טעס און פון די „שבת'דיגע פיש מיט פרישע בולקעס“ זעהט פאר זיך דער לעזער באַלד דעם גאנצען בילד פון דער חתונה. און דאָך איז דאָס ניט מעהר וויא א שוואכער רמז אנקעגען די בילדעלאך, מיט וועלכע מיר טרעפען זיך ווייטער ווען מיר געהען איבער די בלעטלאך פון דער ערציילונג. אויף דער חתנה מאכט זיך א גרויסע מניעה, ניט חלילה צוליעב דעם נדן, אָדער צוליעב א סכסוך מכח רח“ש וכל“ז, נאָר צוליעב — דעם סטרייק פון די קבצנים. ר' יצחק אייזיק בערקאָוועה, דער כלה'ס פאטער, „האָט אויף אלע זיינע קינדער'ס חתונות געמאכט אַנ'אָרים מאָל־צייט, און איצט אויף זיין מיזינקע'ס חתונה האָט ער אויך פארבעטען אלע אָרימע לייט פון שטעדטיל ליפּאָוויץ צו זיך אין דאָרף אריין. „אָבער די קבצנים האָבען ערשט היינט געהאָט א חתונה מיט אַ אָרים מאָל־צייט אין שטעדטיל גופא, האָבען זיי זיך צווישעט, און סטרייקען. זיי ווילען אז מען זאָל יעדען געבען צו קערבלאך פאר זיין ארבייט — דאָס הייסט פאר'ן אויפעסען אַ אומזיסטיגען מאָל־צייט.

איהר קענט איך שוין פאָרשטעלען וויא דעם שיינעם בעל הבית, ר' יצחק אייזיק בערקאָווער, שטייט דאָס ניט אָן די מעשה, אז די קבצנים זאָלען גאָר מיט איהם פיהרען נצחנות, און איהם אָנווייזען וואָס פאר א נדבות ער זאָל זיי געבען אחוץ דער סעודה. און אָט איז וויא ספעקטאָר מאָלט אוים זיין בעליידיגונג:

„—וואָס הייסט עס? — טענה'ט ר' יצחק אייזיק, — וואו איז דאָס געהערט געוואָרען? אָרימע

ליט זאָלען מיר זאָגען א דעה, זיך דינגען מיט מיר דערפאר וואס איך וויל זיי זאָלען עסען א גוטען מי־טאָג און געבען יעדען א שענע נדבה? צו קערבליך זאָל איך זיי געבען! ווען ניט בעשטעהען זיי ניט, חאַ, חאַ! און אז איך וועל זיי טהיילען צו צוויי גילדען לוינט זיי ניט? קאָסט זיי טייער אין קראָם אריין?. איך וועל זיך בעדרעהען אהן זיי. כלי זמר, שפּיעל!... מען קען שוין באזעצען די כלה".

נאר באלד האט ער א מאך געטהאן מיט דער האנד.

„— ווארט נאך אויס א ביסעל. עס איז נאך פריה.... פאר וואס קומט עס מיר, מען זאָל מיר פאר־שטערען מיין שמחה? שוין זשע זאָל איך חתונה מאכען מיין מוזינקע אהן א אָרים מאָל־צייט! איך וואלט זיי געטהיילט צו האלבע קערבלאך, עס געהט מיר ניט אין געלד, נאר וואס הייסט דינגען זיך מיט מיר?"

די אָרימע לייט זיינען ביי זיך געווען גאנץ תקיף, ווארים „סקעבס" וואלט מען בעדארפט ברייגנען אזש פון לונעץ, און עס וואלט געקאסט א סך מעהר וויא צו קערבלאך אויף יעדען פאר־שוין, און מען וואלט מוזען אבלייגען די חופה. מילא גיט דאך מסתמא ר' יצחק אייזיק נאך, אבער זיין שמחה וואס ער מאכט חתונה זיין מוזינקע איז אזוי גרויס אז צו דער חופה־וועטשערע בלייבט שוין אויף זיין שטערן ניט איבער קיין שאטען פון די איז־דער־פריהדיגע עגמת־נפש, און זעהט וואס פאר א גוט פריינד ער איז דאס מיט די אָרימע לייט געווארען:

„ר' יצחק אייזיק מיט זיינע נאָהענטע הויז־מענשען האבען בעדיענט די אָרימע לייט....

— לחיים, ר' יצחק אייזיק! איהר זאלט הא־בען נחת פון אייערע קינדער און זיין א גרויסער גביר — האבען די אָרימע לייט געוואונשען.

— לחיים, לחיים, יודען! טרינקט געזונד, גאט זאָל העלפען כלל ישראל און אייך אויך צווי־שען זיי....

דא (ווען ר' יצחק אייזיק האט מיט די אָרימע לייט געטאנצט א ראד מיט א „פרעה־ליכס") איז שוין צו זיין גליק קיין גלייכען ניט געווען. ער האט געטאנצט אין מיטען ראד, די זיידענע פאָלעס פון זיין לאנגער קאפאטע זיינען געפלויגען וויא צוויי פליגעל פון א אד־לער, די אויגען פון וועלכע עס האט זיך געגאָ־סען טרעהרען פון פריינד, פערגלאנצט ארויף.... ער האט געלאכט און געוויינט, וויא א קליין קינד, זיך אלע מאָל ארומגעהמענדיג מיט די אָרימע לייט, זיי געהאלזט און געקושט.

— ברידער — האט ער געשריען טאנצענדיג — לאָמיר זיין פרעהליך! לאָמיר זיין יודען!... פרעהליכער, לעבעדיגער, שטארקער, יודען!...

—— אט אזוי איז א יוד פרעהליך —

— אט אזוי מאכט א יוד חתונה —

האבען די אָרימע לייט און די געסט צוגע־פּליעסקעט מיט די הענד נאך דעם טאקט פון די כלי זמר'ס פרעהליכס."

נאר וויא גוט און לעבעדיג די חתונה ווערט דא געמאהלען, ווערט זיא דאך געמאהלען נאר פארביינגעהענדיג, און דערפון קען מען דרינ־גען א קל וחומר וויא לעבעדיג און קלאהר די חתונה וואלט נאך ארויסגעקומען, ווען ספּעקטאר וואלט זיך טאקע אבגעשטעלט אויף איהר אליין אלס און עיקר. אין דעם סטרייק פון די קבצנים, איז דער איינפאל א זעלטענער, א חנ'עוודיגער, און די שילדערונג פון דעם סטרייק און פון די איבערראשונג פון די מחותנים איז דורכגעוויקט אין א געזונטען, פרישען הומאָר, און רופט ארויס א אמת הארצ־ליכען געלעכטער. דאך איז די ערציילונג גע־בויט ניט נאך א גוטען פּלאן. ביז וואנען דער לעזער קומט ארויף אויפ'ן מארק, וואו די בונ־טאָוושציקעס די אָרעמע לייט זיינען פארזא־מעלט, הערט ער זיך אזוי פיעל אז מכח זיי און מכח זייער סטרייק, אז די מארק־סצענע, וועלכע האט געדארפט זיין דער פער פון דער ערציי־לונג, קלינגט שוין וויא אן אלטע, איבערגע'חזר'־טע מעשה. מען וואלט זיא געקענט מאכען ניי דורך א שטארקערע שילדערונג, דורך א בעשריי־בונג פון דעם המון, א בעשרייבונג, וואס זאל זיין רייך אין איינצעלהייטען. אבער דער שריי־בער בענוצט זיך ניט מיט אזעלכע מיטלען, און דורך דעם קומט ארויס, אז דער סטרייק גופא, כאטש דער איינפאל איז א ברילליאנטענער און דער הומאר איז א געלונגענער, איז דאס אלס בילד ניט אזוי זים און קלאהר וויא די בילדלאך פון דער חתונה, וועלכע איז דא נאר א טפל.

דורך דער ערציילונג זייט זיך דורך א מרויער, א בענקשאפט נאך דער אלט־מאדישער אידישער חתונה און צוזאמען מיט איהר נאך דעם איינפאכען, אלט־מאדישען אבער שיינעם אידישען לעבען. איהר פיהלט לייענענדיג די סקיצע, אז די חתונה פון ר' יצחק אייזיק'ס מוזינקע איז, אזוי ווי דוד פינסקי'ס ר' משה מגיד פון דער „פאמיליע צבי", די „איינציגע און די לעצטע" אידישע חתונה מיט דעם ארי־

מען מאל־צייט מיט דיא אלטע הארציגקייט און אלטען איינפאכען צויבער. און דיזע בענקשאפט איז דער שנירעל וואס פארבינדעט דיא ערשטע ערציילונג מיט דער צווייטער, מיט דער „פינסטערער חתונה".

דיא „פינסטערע חתונה" איז שוין א היינטמאדישע אריסטאקראטישע אידישע חתונה אין ווארשא, א חתונה מיט דעקאלטירטע דאמעס, מיט א חופה ניט אויפ'ן שוהל־הויף, נאר אין א האל, א חתונה אהן א כשר־טאנץ, אהן כלה־מתנות: א חתונה אהן דיא אמאליגע איינפאכקייט אהן היימישע פאעזיע. עס איז גאר ניט מעהר וויא א וואכעדיגער באל, און פון דיא אמאליגע פערברידערונג פון דער גאנצער משפחה, און פו דעם גליק פון דיא אלע מענשען וואס זיינען זיך עוסק אין דער חתונה, בלייבט אין איהר קיין זכר ניט. דיא חתונה דארף עס דורכמאכען דיא קליין־שטעדטעלדיגע שיינע בעל־הבית'טע גיטעל, דעם חזן'ס מוטער. דיא קליין־שטעדטעלדיגע אידענע געדיינקט נאך אלץ גוט וויא גליקליך זיא איז דאס געווען אויף דיא חתונות פון איהרע עלטערע קינדער, וועלכע זיינען געווען אין איהר קליין־שטעדטעל, און זיינען צוגעגאנגען אויף דעם אידישלאכען שטייגער, און ווען זיא פערגלייכט זיי מיט דער גרויס־שטאדטיגער נאכקרימעניש אויף א אידישער חתונה, ווערט איהר צוריסען איהר הארץ אויף שטיקער, און זיא פאלט חלשות. זיא, דיא מאמע, פיהלט אז זיא איז דא אן איבריגע אין דער נייער וואכעדיגער וועלט, און ווען דער לעזער פערגלייכט דיא צוויי וועלטען, פיהלט ער אינאיינעם מיט גיטלען, אז דיא אלטע וועלט, ווען דער איד האט נאך געלעבט זיין אייגענעם לעבען און ניט נאכגעמאכט אנדערע, איז געווען א שיינע וועלט, פול מיט א טיעפען, ריהרענדען אינהאלט, אין דער צייט וואס דיא נייע וועלט, אהן דיא אלטע אידישע מנהגים, איז פוסט און וואכעדיג.

אבער מאהלענדיג דיא גרויסע, די אריסטאקראטישע וועלט פיהלט זיך ספעקטאר ניט גאר אין דערהיים. עס פעהלט אין איהר דיא טיעפע ערפאהרונג פון דעם שרייבער, עס פעהלט דיא זיסקייט פון שרייבען מכח א גוט בעקאנטער זאך, עס פעהלט דיא זיסקייט פון אלטע, טיעף איינגעווארצעלטע עראינערונגען. דיא בילד פון דער נייער חתונה קומט דעריבער ארויס זעהר בלייך, דיא ווערטער זיינען צו אלגעמיינע און גיבען אי דער געמאהלאכץ ניט ארויז קיין לעבענס־פרישקייט.

אט איז א ביישפיעל פון דעם וויא דיא ווארשעווער חתונה ווערט געמאהלען:

„עס איז צוגעפאהרען איין קארעט נאך דער אנדערע, פון וועלכע עס זיינען ארויסגעגאנגען דעקאלטירטע דאמען, פריילען און אויסגעפוצטע הערען. דער זאל איז שוין געווען פול, דיא מוזיק האט געשפיעלט, הערען און דאמען האבען געטאנצט, טהייל וועלכע האבען ניט געטאנצט, האבען גערעדט וועגען חתן כלה, וואס פאר א גליק רעגינע ווייססטיין האט געטראפען.... איבערהויפט האבען דערפון שטיל צווישען זיך גערעדט דיא מאמעס פון דיא פריילען, מיט וועלכע זיי זיינען געקומען אויף דער חתונה."

פון דעם אלעם אבער קומט ניט ארויס קיין קלאהרער בילד פון דער ווארשעווער חתונה. דער לעזער קען זיך אהינצע ניט אריבערטראגען אין דיא געדאנקען. ער זעהט ניט פאר זיך דיא מחותנים, ניט דעם הו־הא פון דער חתונה און ניט דיא גאנצע סצענע. פיעל מעהר לעבעדיג ווערט דיא ערציילונג ערשט דאן, ווען גיטעל הויבט אן איבערקלייבען אין איהר זכרון דיא סצענעס פון דיא חתונות פון דיא פריהערדיגע קינדער, ווען זיא איז דאס געווען דיא געהייבענע מחותן'עסטע, און דיא מחותנים האבען זיא שיער ניט פארנאנדערגעריסען אויף שטיקער, וועלענדיג יעדער מיט איהר טאנצען, און צואווינשענדיג איהר.

דיא בענקשאפט נאך דער פארצייטיגער אידישער חתונה קלינגט דא נאטירליך גאנץ שטארק. דער שרייבער האט זיך דאך טאקע אויף דערויף פארלייגט אום דעם טרויער ארויסצובריינגען. דא דריקט ער אוים זיין צער ניט דורך אנצוהערעניסען, נאר ער קלאגט טאקע אויפ'ן קול, נאר ווייל דיא שילדערונג איז דא שוואכער וויא אין דער ערשטער, ווערט אפילו אט דיזער צוועק, דיא פערהערליכונג פון דער שיינקייט פון דעם פארצייטיגען אידישען לעבען, כמעט וויינינגער דערגרייכט איידער אין דער ערשטער ערציילונג.

דער סך הכל איז, אז ווייל אין דער ערשטער ערציילונג האט ספעקטאר, וועלכער האט געקראגען זיין ערשטע און וויכטיגסטע ערציהונג אין דער אלטער אידישער וועלט, געמאהלען בילדער מיט וועלכע ער איז גוט בעקאנט, קומט דיא ערציילונג ארויס א סך לעבעדיגער, שארפער, קלעהרער, רעאליסטישער. און אין דער צווייטער

ערציילונג, וואו ער מאהלט א בילד, מיט וועלכער איז ניט אזוי גוט באקאנט, קומט זיא טאקע ארויס א סך טונקעלער, און רעדט וויניגער צום הארצען און צו דער פארשטעלונגס־קראפט פון דעם לעזער. און ממילא, קומט דיא ערשטע, דיא רעאליסטישע בילד ארויס א סך בעסער, איידער דיא צווייטע, דיא פיעל וועניגער רעאליסטישע.

י. ע.

ציוט ביבליאטהעק: 1) וואס איז קאנסטיטוציע, פון פ. לאסאל. 23 זייטען, 12 קאפ.
2) פאליטישע פערברעכער און סאציאלדעמאקראטיע, פון א. בעבעל, 16 זייטען, 10 קאפ.
3) וועגען פאלקספערטרעטונג, פון נ. א. ראזשקאוו, 21 זייטען, 12 קאפ., ווארשוי, 1905.

נאך א נייער פערלאג און ניט־סתם א פערלאג, נור אזוינער וואס גיט ארויס לעגאל סאציאליסטישע ביכלעך. דאכט זיך אין פלוג זעהר א ערפרייענדע, אנגענעהמע ערשיינונג. און דאך קענען מיר דעם פערלאג ניט בעגריסען, יעדענפאלס ניט בעגריסען אויף גרונד פון זיינע ערשטע בראשורען. און מיר האבען זעהר ערנסטע מאטיווען פאר וואס מיר טהוען עס ניט.

עס איז דא א קראנקהייט אויף דער וועלט, וועלכע מען רופט „וואולגאריזאציע“. דיא קראנקהייט איז זעהר א פערשפרייטע אין יעדער ליטעראטור. זיא איז איין עפידעמיע אין אונזער אידישער ליטעראטור אין אמעריקא, זיא איז ביז איצט ניט געווען פערשפרייט אין רוסלאנד. דיא קראנקהייט בעשטעהט אין דעם, וואס אונטער דעם מאנטעל פון מאכען צוגענגליך, פאפולער דיא פראגען, וועלכע מען בעהאנדעלט, מאכט מען זיי פשוט וואולגאר — גראב, פראסט. מען נעהמט ביים פערפאסער, וועלכע מען „פאפולאריזירט“ אראב אלע פיינהייטען פון זיין סטיל און פון זיינע געדאנקען, מען נעהמט אראב דיא טיעפקייט און ערנסטקייט און מען מאכט איהם פלאך, אומגעלומפערט. דער רעזולטאט איז, אז דער לעזער געוועהנט זיך אב צו וועלען און קענען נאכדענקען און נאכטראכטען וועגען דעם וואס ער לעזט, אי דער פערפאסער קומט ארויס א צו'הרג'עטער, א צוקאליעטשעטער.

געווים, פאפולאריזירען געדאנקען, פאפולאריזירען זאגאר געוויסע דענקער איז א גאנץ וויכטיגע זאך. זיא איז אויך נויטווענדיג אלס ערשטע איינפיהרונג פאר דיא גרויסע מאסען. אבער אזא פאפולאריזאציע אדער וואולגאריזאציע טאר קיינמאל ניט געגעבען ווערען אונטער דעם נאמען פון דעם דענקער אליין, טאר פאר קיין פאל ניט ארויסרעטען אונטער דער פאלשער פאהן פון א'ן איבערזעצונג.

און דאך האט דאס פאסירט מיט דער „איבערזעצונג“ פון לאסאל'ס בעריהמטען פארטראג. שוין אויפ'ן פארדערבלאט האבען מיר געזעהן אז עפעס ניט גלאט איז דיא מעשה דא. דער נייער פערלאג פון סאציאליסטישע ביכער האט ניט געפונען קיין איבערזעצער, וועלכער זאל אזא קלאסישע זאך איבערזעצען פו אריגינאל, פון דייטש, נור ער האט געפונען איינעם א אב. גאלדבערג, וואס איבערזעצט עס פון א רוסישער איבערזעצונג.

מיר האבען איבערגעמישט א בלעטעל און געפונען א „הקדמה“, אין וועלכער עס ווערט אויף א האלבער זייט דערצעהלט, אז לאסאל האט אין דעם פארטראג קלאר ארויסגעזאגט זיין מיינונג, אז דער עיקר אין קאנסטיטוציע איז דיא קראפט. דיא קראפט, אט אזוי איבערזעצט מען דאס ווארט מאכט? ווייטער ווערט דארט דערצעהלט, אז דיא קאנסערוואטיווע דייטשע צייטונג, דיא „קרייצצייטונג“ האט עס באלד פערשטאנען. נור דער „איבערזעצער“ פערשטעהט נאך עד היום ניט! און אט דער „איבערזעצער“ לאזט אונז וויסען, אז ער האט דעם פארטראג „בעארבייט“, „בכדי צו פאפולאריזירען“.

אזא „בעארבייטונג“ מוז מען שוין לייענען מיט'ן אריגינאל אין דער האנד. און מיר האבען געלייענט!...

מיר האבען ניט געדארפט פיעל זוכען. שוין אויף דער ערשטער זייט האבען מיר זיך איבערצייגט, אז דער איבערזעצער איז איינפאך ניט פעהיג צו פערשטעהן דעם עיקר פון „דעם עיקר פון דער קאנסטיטוציאן“. לאסאל שטעלט דיא פראגע: „איז וואס בעשטעהט דאס וועזען (דער תוך), דער בעגריף פון א קאנסטיטוציאן“? ער מאכט א גאנץ שארפען אונטערשיעד צווישען „איינהאלט“ און „בעגריף“. אונזער „איבערזעצ־

צער" פרעגט דוקא: „אין וואס בעשטעהט דער אינהאלט פון א קאנסטיטוציע?"

און וויא דיא פראגע אזוי דער ענטפער. וואו לאסאל דריקט אויס א טיעפען געדאנקען, געהט דער געדאנקען ענטוועדער אין גאנצען פערלארען אדער ער ווערט איבערגעקערט און פערדרייט. צ. ב. קענט איהר זיך פארשטעלען אז דער פערפאסער פון „סיסטעם דער ערווארבענען רעכטע" זאל זאגען „א'ן ערשיינונג, וועלכע האט א פעסטען יסוד א. ז. וו. מוז פערבלייבען אויף איביג (!) דאס וואס זיא איז"? ער זאגט עס טאקי ניט, אבער דער איבערזעצער „פערשטארקט" דורך דעם לאסאל'ס געדאנקען. לאסאל זאגט: „א גרונדגעזעץ קען זיך ניט ענדערן יעדען מאמענט". און דער איבערזעצער זאגט פשוט: „קען זיך ניט בייטען".

ווייטער אין עטליכע שורות ארום זאגט דער איבערזעצער פעסט און זיכער: „מיר פערשטעהען אונטער דעם בעגריף א. ז. וו." לאסאל האלט אבער נאך דארט אט וואו: „עס וואלט געוועזען עפעס וואס, וואס מיר וואלטען נאך דארפען ערקלערען, א זאך וואס מיר האבען „דערוויל געפונען", א. ז. וו. דאס זאגט לאסאל אין „דאס ערשטע ליכט". פאר אונזער איבערזעצער איז עס שוין אלץ.

און מיר האלטען ערשט נאך ביי דער 3טער זייט פון דער איבערזעצונג. צו דארפען מיר שגהן נאך ווייטער? מיר רעכענען, אז דיזע איינציגע ביישפיעלע בעווייזען גאנץ גענוג, אז דער „בעארבייטער" העבט ניט אן צו פערשטעהן דיא ווערק, וועלכע ער „בעארבייט", און דערפאר טאקי האט ער דיא חוצפה צו „בעארבייטען" לאסאל'ן און דערצו נאך נאך דער רוסישער איבערזעצונג.

דער איבערזעצער האט א גאניץ גלאטע שפראך, שרייבט זשארגאן גאניץ פליסענד — כאטש ניט דארט וואו עס קומט אויס איבערצוגעבען בעגריפען — און מיינט, אז דאס איז שוין גענוג צו „בעארבייטען" אלץ אין דער וועלט.

מילא דער בעארבייטער קען זיך אזוי דענקען. אבער א נייער פערלאג וואס העבט אן צו געבען א גאנצע סעריע סאציאליסטישע ביכלאך און נעהמט דאפיר גאניץ גוטע געלד, 12 קאפ. פאר 22 זייטען פון אזא „בעארבייטונג". וואס טראכט ער זיך דערביי.

איבריגענס ווייזט אויס, אז דיא בעלי־בתים פון פערלאג „צייט־ביבליאטהעק" טראכטען גאר ניט. זיי נעמען כל הבא בידם פון רוסיש. פון רוסיש איז איבערזעצט אויך דער צווייטער ביכעל (בעבעל'ס פאליטישע פערברעכער דורך א. ד. פינקעל) איבערזעצט ניט שלעכט, גאניץ פליסענד, וויא עס ווייזט אויס אהן אזעלכע גראבע עם הארצות. דעם אריגינאל האבען מיר ניט.) בעבעל האט אלע מאל וואס צו זאגען. ער איז אלע מאל בעלעהרענד. אויך דיא רעדע, וואס ער האט געהאלטען אין דער צייט, ווען מען האט זיך געקליבען מאכען א נייעם געזעץ געגען סאציאליסטען (צוכטהויז־געזעץ) האט געמאכט א רושם אין איהר צייט. אבער עס איז קיין ספק ניט, אז ווען דיא פאבלישער פון דער „צייט ביביליאטהעק" וואלטען געוועזען אליין אינטעליגענטע און ערנסטע סאציאליסטען (ניט געוואלט מאכען געלד פון סאציאליזמוס), וואלטען זיי געפונען פיעל אינטערעסאנטערע און בעלעהרענדערע רעדען ביי בעבעל'ן. דעם איבערזעצער מוז מען נאך בעמערקען, אז כאטש ער איבערזעצט פון רוסיש, דאך האט ער אריבערגענומען פון דייטש דיא געוואהנהייט צו פערבינדען צוויי־דריי ווערטער מיט א מאל. ער שרייבט, צ. ב. ש., „בעלי־בתים־קלאסע", „געגען־ארבייטער־בעוועגונג", „צוריק־געהער" א. ז. וו. אין אידיש קלינגט עס... טייטשעס.

אויב דער דריטער ביכעל (ראזשקאוו'ס פאלקס־פערטרעטונג) ווייזט, אז דיא פאבלישער קלייבען ניט, נור נעהמען כל הבא בידם. אין דער רוסישער ליטעראטור איז פאר דיא לעצטע חדשים ארויסגעגעבען געווארען א גאנצע ביבליאטהעק פון ביכער און ביכלאך איבער קאנסטיטוציאנעלע פראגען. און „דיא צייט־ביבליאטהעק" האט געפונען פאר נויטיג צו איבערזעצען פאר דיא אידישע לעזער דוקא איינע פון דיא שוואכסטע און ווייניגער בעלעהרענדע. ראזשקאווס ביכעל איז אויבערפלעכליך, ענטהאלט ווייניג פאקטען און איז ניט אינטערעסאנט גענוג געשריעבען. מען האט געקענט אויסקלייבען א בעסערע און גלענצענדערע זאך, ווען.... ווען מען וואלט געקליבען. דיא פאבלישער פון „צייט־ביבליאטהעק" ווייסען אבער נור, אז סאציאליסטישע ביכלאך „געהען איז מארקעט" און דערפאר... גיבען זיי ארויס, וואס עס קומט אין האנד אריין און שטעלען הויכע פרייזען.

בן־הלל.

הוגאָ לינדעמאַן*) קאָמונאַלע ארבייטער פּאָליטיק, (אין דייטש), בערלין, 1905. בוכהאַנדלונג „פאָרווערטס“.

מיט גרויס פרייד קען מען בעגריסען דיא נייע אונטערנעהמונג, צו אונטערזוכען דיא איינצעלנע, פאר דיא ארבייטער וויכטיגסטע, פראגען פון געמיינדע פּאָליטיק אין אבגעשלאָסענע אבהאנדלונגען. דעם אינהאלט פון דער בראָשורע קען מען נור לויבען, כאָטש מיר שטימען ניט איין אין אלץ מיט'ן פערפאסער. מיר געפינען צ. ב. אז ער לעגט צופיעל געוויכט אויף די בעדייטונג פו ז פערשיעדענע קאמיטעס. ער טרויט צו פיעל דיא אונפּארטייליכקייט פון דיא שטאָדטישע בעאמטע אין דיא פראגען וויא צו פערהיטען סטרייקס א. ד. גל.

דיא ווייטערדיגע קאפּיטלען בעהאנדלען דיא פראגען וועגען ביוראס פאר דיא וואס זוכען ארבייט; וועגען געמיינדע־ארבייטען און נאָטפעלען, וועגען פערזיכערונג געגען ארבייטסלאָזיגקייט, און וועגען שאפונג פון סאָציאלע געזעצען דורך דיא געמיינדע.

*) הוגא לינדעמאַן איז פעררעכענט פאר דעם גרעסטען סאָציאַליסטישען אויטאָריטעט אין דיא פראַגען פון שטעדטישע און קאמונאַלע פּאָליטיק.— רעד.

אין א נייע אויסגאבע וואָלט מען נאָך געדארפט ארומערען וועגען קראַנקענקאססען און קראַנקענפערזיכערונג דורך דיא געמיינדען, און וועגען דיא שליסונג פון דיא סטאָרס אין געוויסע שטונדען.

דיא לעצטע אבטהיילונג בעהאנדעלט „דיא געמיינדען און זייערע ארבייטער“. פאר דיא אגיטאציאָן און פאר דיא פערטרעטער אין דיא געמיינדען וואָלט געווען זעהר נויטיג מעהר אנצוווייזען אויף דיא צושטענדע אין אויסלאנד: מען וואָלט בעדארפט אויך בעטראכטען דיא פראגע וועגען שאפען וואָהנונגען פאר דיא שטאָדטישע ארבייטער. עס וואָלט אויך ניט געשאדט נאָך מעהר זיך אבצושטעלען אויף דעם פונקט, אז דיא געמיינדע־פערוואַלטונגען שאפען אפט קאָמיטעטען וועגען ארבייטער־פראגען, הויפּטזעכליך מיט דעם צוועק, כדי פּטור צו ווערן פון דיא יוניאָנס, זיי צו מאכען „איבריג“ און צו פערהיטען אז דיא שטאָדטישע־ און געמיינדע־פערוואַלטונגען זאָלען מיט יוניאָנס קיין מגע און משא ניט האבען.

דיא אלע בעמערקונגען ענדערן אבער ניט דיא מיינונג, אז דיא בראָשורע פילט אויס אויף א'ן אויסגעצייכענטען אופן איינע פון דיא לעכער, וועלכע האבען זיך געפיהלט ביז איצט אין דער סאָציאליסטישער ליטעראטור.

אדאָלף בראַון.

אן אלע פּאָרטגעשריטענע ארגאניזאציאנען

גענאָסען, פריינדע און לעזער פון צוקונפט.

נאָך דעם וויא איהר האט שוין געהאט די געלעגענהייט צו זעהען דעם יאנואר נומער „צוקונפט“, 1906, קענט איהר זיך שוין געניג איבערצייגען, אז מיר פון אונזער זייט, האבען פאלקאם ערפילט אונזערע פפליכטען. דער וואונש פון אונזער קאָנווענשען און אונזער וואונש איז פאלקאם אויסגעפיהרט געוואָרען. די „צוקונפט“ איז פערגרעסערט געוואָרען מיט גאַנצע 16 זייטען, זעלבסטפערשטענדליך איז זי דערמיט אויך פערבעסערט געוואָרען. דיזע פערגרעסערונג און פערבעסערונג איז אבער פערבונדען מיט זעהר גרויסע אויסגאבען. פאר אונז איז דאס אייגענטליך גאר קיין נייעס ניט, מיר האבען עס פריער געוואוסט און דארום האבען מיר עס פארגעלייגט פאר די קאָנווענשען. אונזער קאָנווענשען האט אויסגעהערט דעם 4 יעהרליכען בעריכט מיט בעגייסטערונג. פון דיזען בעריכט האט די קאָנווענשען איינגעזעהען, אז די „צוקונפט“ נויטיגט זיך ערשטענס, אין באלדיגע הילפע אום צו דעקען דעם אונבעדייטענדען דעפיציט וואס עס האט זיך אנגעקליבען אין דיא 4 יאהר און דערצו, האט זי נאָך אויסשטעהן ביי ארגאניזאציאָנען און אגענטען איבער 1000 דאָלאר, וואס דאס מאכט פאר די ארויסגעבער נאָך שווערער ווי דער דעפיציט. אום צו פערלייכטערען דיזע שוועריגקייט, האט דיא קאָנווענשען בעשלאָסען, אז דיא 54 ארגאניזאציאָנען, וואס האבען אנטהייל גענומען אין דער קאָנווענשען,

זאלען גלייך אויסלייזען צו 10 דאלאר, וועט עס ווערען איבער 500 דאלאר פאר באלדיגע הילפע, צו בעפרייען דיא ארויסגעבער פון דיזער פערלעגענהייט. אין דער זעלבער צייט האט אבער אויך די קאנווענשען איינגעזעהען, אז עס איז נויטווענדיג די „צוקונפט" צו פערגרעסערען. אום מעגליך צו מאכען די פערגרעסערונג פון די „צוקונפט", האט דיא קאנווענשען איינשטימיג בעשלאסען צו עפענען און שאפען אין א קורצע צייט א פאנד פון טויזענד דאלאר.

די „צוקונפט" איז שוין פערגרעסערט מיט 16 זייטען. מיר האבען אנגעשטרענגט אונזערע קרעפטע אום דיא בעשליסע פון קאנווענשען נאכצוקומען. דיזע אנשטרענגונג איז אבער צו־פיעל פאר אונז אליין אויב איהר זאלט אונז ניט מיטהעלפען דורכצופיהרען אונזער אונטערנעהמונג.

אום ניט צו שטערען די געלד־זאמלונג פאר אונזערע אונגליקליכע ברידער אין רוסלאנד, האבען מיר ביז יעצט ניט ערפענט דעם טויזענד דאלאר פאנד, וועלכען דיא קאנווענשען האט בעשלאסען צו ערפענען. יעצט אבער נאכדעם וויא אונזערע קרעפטע זיינען כמעט וויא אויסגעשעפפט געווארען, קענען מיר דעם יאך ניט מעהר אליין ערטראגען, און מיר פיהלען זיך געצוואונגען דיזען פאנד צו ערעפענען.

מיר עפענען יעצט דעם 1000 דאלאר פאנד און מיר פערעפענטליכען דא דיא נעמען פון דיא ארגאניזאציאנען, וועלכע האבען שוין אריינגעשיקט דיא צעהנדאלארדיגע פאר דיא באלדיגע הילפע. אויך פערעפענטליכען מיר דיא געלדער פון דיא ארגאניזאציאנען און פריוואט פערזאנען וואס האבען בייגעטראגען צו דעם טויזענד־דאלאר פאנד.

יעצט, גענאסען און פריינדע, ערזוכען מיר דיא ארגאניזאציאנען שנעל וויא מעגליך אריינצושיקען דיא צעהן דאלארדיגע, און אפעלירען צו אייך צו שאפען וואס שנעלער דעם פאנד. נעהמט זיך גלייך צו דער ארבייט. לאזט ארוים זאמעל־ליסטען, מאכט אונטערנעהמונגען, טהוט וואס איהר קענט צו העלפען אונזער הייליגע אויפגאבע. זאל פאר א קורצע צייט דיא „צוקונפט" זיין דיא זאכע, פאר וועלכע איהר אלע זארגט, זאל דיא „צוקונפט" זיין אויף דיא טאגעס־ארדנונג ביי יעדער פארטגעשריטענער ארגאניזאציאן און ביי יעדען רעכטדענקענדען אינטעליגענטען מענשען. געדיינקט, איהר אלע פריינד און גענאסען! דער טויזענד דאלאר פאנד איז א לעבענספראגע פאר דיא „צוקונפט". ארבייט פאר איהם און טוט אייער פפליכט.

מיט סאציאליסטישען גרוס,

„צוקונפט" פרעס פעדעריישען.

אלע געלדער פאר דעם טויזענד דאלאר פאנד זאלען אדרעסירט ווערען צו
Dr. J. Mintz, 126 Rivington, St., N. Y.

דיא צעהן דאלארדיגע פון ארגאניזאציאנען זאלען געשיקט ווערען צו
"Zukunft," 58 Canal St., N. Y.

אלע געלדער וועלען פערעפענטליכט ווערען אין „צוקונפט".

ארגאניזאציאנען וואס האבען אריינגעשיקט צו 10 דאלאר

ארב. רינג ברענטש 1, ניו יארק.
" בר. 2, נ. י.
" בר. 3, ברוקלין.
" בר. 4, ברוקלין.
" בר. 7, וו. האבאקען.
" בר. 8, נ. י.
" בר. 9, באלטימארע.
" בר. 13, פעטערסאן.
" בר. 17, ניו הייווען.
" בר. 19, סיראקיוז.
" בר. 24, בראנקס, נ. י.
" בר. 31, לארענס.
" בר. 33, באסטאן.
" בר. 37, נ. י.
" בר. 49, ניו יארק, 5 דאלאר.
" בר. 72, נ. י.
בונד ברענטש, באלטימארע.
בונד ברענטש, ברוקלין.
סאצ. פ. קלאב, באלטימארע.
ברענטש 3, ס. פ., פעטערסאן.
סאצ. ליטערערי סאסייטי, פיטסבורג 20 דאל.
טאטאל: $215.

דורך גענאסע בארענדעס געזאמעלט פאר דעם 1000 דאלאר פאנד.

גענ. בארענדעס 10 דאלאר.
היברו ווארייעטי עקטארס, לאק. 5, 25 דאל.
בעקער יוניאן, לאקאל 163, ברוקלין, 15 דאל.
בעקער יוניאן, נומ. 167, נ. י. דאל.
הער פ. סטאקס, 25 דאלאר.
גענ. סטראבעל, ניו יארק, 5 דאל.
צוזאמען, 85 דאלאר.

ביזנעס דעפּאַרטמענט

וואס אנבעלאנגט דעם אינהאלט פון דער „צוקונפט“, דאַרף מען אייך אין דיזער אבטיילונג ניט שרייבען. איהר זעהט עס פיר זיך אליין. און אייגענטליך האט עס ניט צו טאהן מיט דיזער אבטיילונג. אבער מיר ווילען אייך אויפמערקזאם מאכען, אז ביז א געוויסען גראד האבען דיזע ביידע אבטיילונגען זעהר א גרויסע שייכות איינער צום צווייטען. וואס בעסערע נאכריכטען מיר וועלען קענען בעריכטען אין דיזער אבטיילונג, אלץ בעסערע רעזולטאטען וועט איהר קענען האבען אין דער רעדאקציאנעלער אבטיילונג. מיט אנדערע ווערטער הייסט עס, אז אום מיר זאלען אימשטאנדע זיין ארויסצוגעבען א פערגרעסערטען און פערבעסערטען זשורנאל מיט א גרויסען אויסוואהל פון ארטיקלען, מוזען מיר זעהען, אז אונזער געשעפט זאל פערגרעסערט און פערבעסערט ווערען. מיר מוזען קריגען נייע לעזער. מיר דארפען מעהר אדווערטייזמענטס. מיר האבען ערהאלטען פיעלע נייע סובסקרייבער דיזען מאנאט. פון איבעראל קריגען מיר פיעל נייע לעזער. אבער דאס איז ניט גענוג. עס זיינען נאך דא טויזענדער און טויזענדער, וועלכע מיר האבען ניט אויף אונזער סובסקריפשאן ליסטען. קריעגט זיי! אייער שכן, אייער פריינד, אייער נאכבאר, לעזט ער די „צוקונפט“? אויב ניט, זעהט, אז ער זאל ווערען א לעזער פון „צוקונפט“. עס איז אזוי לייכט פאר יעדען צו קריגען אם וועניגסטענס איין לעזער. אלזא טהוט אייער פפליכט! קיין אנגענעהמערע ארבייט, קיין ניצליכערע ארבייט דארף מען ניט וויא צו פערשפרייטען דיא „צוקונפט“.

מיר ווילען ספּעציעל אויפמערקזאם מאַכען דיא יוניאַנס אויף פאָלגענדעס: כמעט אלע ברענטשעס פון ארבייטער רינג נעהמען דיא „צוקונפט“ פאר זייערע מעמבערס. א גרויסע צאָהל פון סאָציאליסטישע און פּאַרטעגשריטענע אָרגאַניזאַציאָנען טהוען דאָס זעלבע. אבער דיא יוניאָנס? זיי שטעהען אב פון ווייטען. דענקט איהר, אז עס איז ניט וויכטיג פאר אייערע מעמבערס צו זיין מעהר ענטוויקעלט, צו זיין בעקאנט מיט אלעס וואס עס געהט פאר אין דער וועלט? זיין מעהר קלאסענבעוואוסט? און פון מאָנאט צו מאָנאט לעזען דעם איינציגען וויסענשאפטליכען סאָציאליסטישען זשורנאל אין אידיש?

מיר גלויבען, אז עס איז ביז יעצט געווען א פערנאכלעסיגקייט, אז ווייטער וועט עס אזוי ניט זיין. וועלכע יוניאָן וועט זיין פון דיא ערשטע אריינצובריינגען מעהר ליכט און וויסען פאר איהרע מעמבערס? שרייבט אויס דיא „צוקונפט פאר אייערע מיטגליעדער. שיקט גלייך אריין איין אָרדער וויפיעל „צוקונפטס“ פון דיזען מאָנאט זאל מען שיקען.

וואס אָנבעלאנגט אדווערטייזמענטס בעטען מיר אייך אויפמערקזאם מאכען אונזערע אדווערטייזער, דאָס איהר פּאַטראָנייזט זיי דאפיר, ווייל זיי אדווערטייזען אין אייער זשורנאל. פאר אייך איז עס א קלייניגקייט, אָבער פאר אונז איז דאָס זעהר פיעל.

דער מער׳ץ נומער „צוקונפט“

וועט זיין א ספּעציעלער נומער מיט א גרויסען אויסוואהל פון א מאסע בעלעהרענדע און אינטערעסאנטע ארטיקלען.

צווישען אנדערע וועט עס ענטהאלטען:

1. דער אידעאליזמוס און דיא מארקסיסטישע לעהרע, פון עמיל וואנדערוועלדע.
2. הענריק איבסען, א ביאגראפיע פון דעם גרעסטען נארוועגישען דיכטער, מיט איין איבערבליק איבער זיינע ווערקע. פון ה. אלעקסאנדראוו.
3. מיטלען געגען ארבייטסלאזיגקייט, א בעלעהרענדער ארטיקעל וועגען דיזער וויכטיגער פראגע, פון דר. ק. פאַרנבערג.
1. דער זוהן פון דער זונע, א פסיכאלאגישע ערציילונג פון קנוט האמסון, איבערזעצט פון א. פרומקין.
5. וויא זיינען פאַרגעקומען רעוואָלוציאָנען. פון יעקב מילך.
7. דיא פסיכאלאגיע פון א סאציאל-דעמאקראט, אן אינטערעסאנטער ארטיקעל פון מ. זאמעטקין.
8. דער קאמפף פאר'ן עקזיסטענץ ביי חיות און ביי מענשען, פון דר. א. קאספּע.
9. דיא קראנקהייטען פון דיא טענעמענט-הייזער, פון דר. גירזשדאנסקי.
10. שלום יעקב אבראמאוויץ (מענדעלע מוכר ספרים), א קריטישער איבערבליק צו זיין זיעבציג יאהריגער יובילעאום, פון י. ענטין.
11. דער אַנפאנג פון פּאָליטישע עקאנאמיע, (דער מערקאנטאליזמוס) פון ש. זאקס.



הענריך איבסען.

די צוקונפט

No. 3 MARCH 1906 Vol. XI

דער אידעאַליזמוס פון דער מארקסיסטישער לעהרע

פון עמיל וואנדערוועלדע.

עמיל וואנדערוועלדע.

מען ערצעהלט אז ווען מארקס איז אמאָל געוועזן צווישען פראנצויזישע סאָציאליסטען, האָט איינער איהם אַ פרעג געטהאָן: „צו וואָס פיר א שולע וואָלט איהר געהערט, ווען איהר וואָלט געוואָהנט אין פראַנקרייך"?

"איך ווייס ניט, האָט דער גרויסער דיינ־קער געענטפערט, נאָר יעדענפאלס, וואָלט איך ניט געווען קיין מארקסיסט."

מיר ווייסען ניט צו איז דיא מעשה אמת אָדער ניט, דער אנעקדאָט כאַראַקטעריזירט אָבער זעהר גוט דיא ענדערונגען, וועלכע דיא לעהרע פון מארקס האָט אָנגענומען אין דיא פשטים פון זיינע תלמידים, און פּאָפּוליאריזאַ־טאָרס.

קאַרל מארקס האָט אַזוי קלאָר, אַזוי זיכער בעוויעזען, אַז דער סאָציאליזמוס מוז מקוים ווערען, אַז פיר יעדען, ווער עס איז נאָר בעקאַנט מיט זיין לעהרע, קען גאָר קיין שום ספק ניט זיין אין דעם. ער האָט בעשאפען אַ נייע פּאָלי־טיק. ער האָט אין גאַנצען אומגעענדערט דיא היסטאָרישע מעטהאָדען, ער האָט דיא קאַפּיטאַ־ליסטישע סיסטעם אונטערוואָרפען אונטער אַ גאַנץ בעזונדערע קריטיק. נאָך אַלע ארבייט וואָס מאַרקס האָט אויפגעטהאָן, וואָס אַלזאָ איז איי־בערגעבליעבען פיר דיא גרויסע מאַסע פון פּאַמ־פלעטיסטען און זשורנאַליסטען? עטליכע טריי־קענע פראַזען וויא: „אַרבייט איז דיא קוועלע פון ווערטה," „דער קלאַסענקאַמפף בעשטימט דעם גאַנג פון דער געשיכטע" און ז. וו.

נאַטירליך, מען קען ניט זאָגען, אַז אזעל־כע בעהויפּטונגען זיינען פאַלש, זיי זיינען אָבער אָבגעזונדערט, און אָבגעריסען, זיי זיינען שטיק־לעך פון אַ גאַנצען בנין און בלויז צוזאַמען מיט דיא איבעריגע טהיילען זיינען זיי פערשטענד־ליך און ריכטיג אויף אַזאַ אופן דורך דיא שטענדיגע פערוועסערונג, דורך דיא שטענדיגע פערקירצונג, האָבען מיר פון דיא גאַנצע גראַנ־דיעזע מאַרקס'ישע לעהרע בעקומען בלויז איין אויסגעטרוקענטען טויטען סקעלעט פון לעהרען, וועלכע האָבען כמעט וויניג אלגעמיינעס מיט דיא לעהרען פון מאַרקס.

עס איז ניטאָ קיין לייכטערע זאַך וויא ארויסצוכאַפּען פון אזעלכע געוואַלדיגע ווערקע, וועלכע מאַרקס האָט געשריעבען, ארויסצוכאַפּען איינצעלנע שטעלען און בעווייזען, דאָס, וואָס אייער האַרץ געלוסט נאָר. אום ריכטיג צו פערשטעהען דעם פערפאַסערס געדאַנקען, מוז מען שטודירען זיינע ווערקע אין גאַנצען, מען מוז וויסען דיא ענטשטעהונג און דיא ענטוויק־לונג פון זיינע ווערקע, מען מוז וויסען דיא צייט

אין וועלכע זיי זיינען געשריעבען געוואָרען, דאַן וועט שוין זיין לעהרע פיר אונז ערשיינען אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט. ווען מיר ווילען דאָס טאָן מיט מאַרקס, דאַן ווילען מיר לייכט פערשטעהען, אַז זיין אַרט שרייבען און דענקען איז געווען אַ פּראָטעסט געגען דעם סאָרט שרייבען און דענקען, וועלכע האָט געהערשט אין יענער צייט.

לאָמיר זיך אריבערטראָגען צו דיא צייט נאָך דיא רעוואָלוציאָן פון יאָהר 1848. סענטימענטאַליזם האָט געהערשט אונבעשריינקט. דער אוטאָפּיסטישער סאָציאַליזם איז געווען דער געגענגעוועהר געגען דעם אידעאַליזם פון דיא בורזשואַ. אין דייטשלאַנד איז דיא העגעליאַנער לעהרע אין גאַנצען בעגראָבען געווען אונטער דעם פאָרהאַנג פון מיסטיציזים. אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד האָבען דיא נאָכפאָלגער פון פוריע, סען־סימאָן און ראָבערט אָוען אָנגעווענדעט זייערע כוחות אפּעלירענדיג צו דיא גוטסקייט און פרומקייט פון דיא בורזשואַזיע, אַנשטאָט צו ארבייטען אונטער דיא פּראָלעטאַריער. בקיצור אונטער דאָס רוב פון דיא דאַמאַלסדיגע סאָציאַליסטען האָט געהערשט דער גלויבען, אַז דיא מענשליכע אידעען בעשטימען דעם שיקזאַל פון דער געזעלשאַפט.

צו יענער צייט איז אין דיא ליטעראַטור ערשיענען קאַרל מאַרקס, ענטפערענדיג פּרודאָן אויף זיין „פילאָזאָפיע פון דיא אָרימקייט“ האָט ער שוין ארויסגעזאָגט דעם געדאַנקען, וועלכער ציהט זיך ווייא אַ רויטער פאָדעם דורך אַלע זיינע אַנדערע ווערקע, דעם געדאַנקען, אַז דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען בעהערשען דאָס גייסטיגע לעבען פון דיא מענשהייט.

„דיא סאָציאַלע בעציהונגען זיינען ענג פערבונדען מיט דיא פּראָדוקטיווע קרעפטע. ווען נייע פּראָדוקטיווע קרעפטע ווערען ענטדעקט, ענדערט דער מענש דיא אַרט פון פּראָדוקציאָן, ענדערענדיג דיא אַרט פון פּראָדוקציאָן, ענדערענדיג דעם שטייגער ווייא צו בעשאַפען מיטעל פאַר'ן לעבען, ענדערט זיך דורך דעם אויך דיא סאָציאַלע בעציהונגען פון דער געזעלשאַפט. דיא האַנדמיל האָט בעשאַפען אַ פעאָדאַלע געזעלשאַפט; דיא דאַמפף־מיהל האָט אונז געגעבען אַ געזעלשאַפט מיט אַ קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע, דיעזעלבע מענשען, וועלכע ריכטען איין דיא געזעלשאַפטליכע בעציהונגען נאָכדעם אַרט, ווייא עס ווערט ביי זיי פּראָדוצירט, ארבייטען אויס דיא פּרינציפּען, דיא אידעען, דיא קלאַסען נאָך זייערע געזעלשאַפטליכע בעציהונגען. אויף אַזאַ אופן ווערען דיא אידעען, דיא קלאַסען גראַדע אַזוי געענדערט, ווייא דיא בעציהונגען, וועלכע זיי דריקען אויס, זיי זיינען היסטאָרישע און פאָראיבערגעהענדע רעזולטאַטען.“

דאָס זיינען בקיצור דיא הויפּט אידעען פון מאַרקס. צו איז דאָ נייטיג פאַר אונז אָנצו־ווייזען דיא געוואַלדיגע רעוואָלוציאָנערע בעדייטונג פון אַזאַ שטאַנדפּונקט?

דער געדאַנקען איז, אַז דיא ווירקליכקייט האָט פערנומען דעם פּלאַטץ פון דיא אידעען נאָך מאַרקס אייגענע ווערטער, האָט ער העגעלס דיאַלעקטיק, וועלכע איז געשטאַנען אויפ'ן קאָפּ אוועקגעשטעלט אויף דיא פיס. דיא היסטאָריע האָט אויפגעהערט צו זיין אַ מעשה'לע אָדער מעטאַפיזיק. דער קאַפּיטאַליזם האָט אויפגעהערט צו זיין אַלס עטוואָס בעשטימטעס, אייביגעס, וואָס קען ניט געענדערט ווערען, נאָר האָט זיך פערוואַנדעלט אין איין היסטאָרישען פּראָדוקט, וועלכער טראָגט אין זיך גופא דיא זריעה פון אַ נייע אָרדנונג.

מיר ווייסען, אַז דיא מאַטעריאַליסטישע אנשויאונג אויף דיא געשיכטע געהערט ניט אין גאַנצען בלויז צו מאַרקס, גראַדע אַזוי ווייא דיא לעהרע וועגען דיא ענטוויקלונג פון דיא מינים געהערט ניט אין גאַנצען בלויז צו דאַרווין. מיר ווייסען אויך — און דאָס איז דיא אַלטע מעשה מיט דיא איי פון קאָלומבוס — אַז פיעלע אידעען פון מאַרקס שיינען אונז איצט צו זיין אַזוי פּראָסט, אַזוי איינפאַך, אַז מען געפינט אין זיי קיין שום אָריגינאַליטעט ניט, יעדערער רעדט וועגען היסטאָרישען מאַטעריאַליזם, גראַדע אַזוי ווייא וועגען טאָג אָדער נאַכט. צוליעב וואָס האָבען דיא ענגלענדער געפיהרט קריעג מיט טראַנסוואַאַל, ווען ניט צו בעשיצען דאָס אייגענטהום פון דיא בעזיצער פון דיא גאָלד־גריבער און צוליעב דיא האַנדעל אינטערעסען פון דיא קעניגרייך!

אפילו דיא, וועלכע בעקעמפּפען מאַרקס אַם שטאַרקסטען, אויך זיי מוזען אַנערקענען דיא נויטהווענדיגקייט צו ערקלערען דיא געשיכטע פון מאַטעריאַליסטישען שטאַנדפּונקט.

אָבער, ווען דיא געגנער פון מאַרקס אַנערקענען דעם הויפּט פּונקט פון זיין לעהרע, טהוען זיי עס בלויז כדי נאָך שטאַרקער איהם צו אַטאַקירען פיר דעם, וואָס ער וויל ניט וויסען דיא וויכטיגקייט פון דיא נאַטורקרעפטען, וועלכע ווירקען אויף דיא עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן פון דער געזעלשאַפט און וואָס ער אַנערקענט ניט דיא בעדייטונג ניט דיא מאָראַלע און דיא אינטעלעקטואַלע פאַקטאָרס. דיא לעבערליכקייט פון דיא פּרווירפע זיינען שוין געווען בעוויעזען ניט איין מאָל. מיר רעכענען אָבער,

אז עס וועט זיין ניט איבעריג נאָך איין מאָל דיא זאַך צו בעטראַכטען, ווייל דיא געגנער פון סאָציאַליזמוס הערען ניט אויף וועגען דעם צו שרייבען.

קודם כל דארפען מיר ניט פערגעסען, אַז דיא עקאָנאָמישע געבוי פון דער געזעלשאַפט איז ניט קיין קדמון, דאָס הייסט אַז זיא שטאַמט ניט פון אייביג אָן, נור זיא איז דער רעזולטאַט, פון דיא בעציהונגען צווישען דיא מענשען און זייערע אומגעבונג, און כדי צו קע־נען ערקלערען דיא סאָציאַלע אומשטענדען, מוז מען נעהמען אין אנבעטראַכט דיא ראַסען, דעם קלימאַט, דיא געאָגראַפישע לאַגע פון דעם אָרט.

דאָס אַלעס איז אזוי קלאָר, אַז עס איז גאָר ניט נויטיג וועגען דעם צו ריידען. אָבער ווער פון דיא גרינדער פון היסטאָרישען מאַטעריאַ־ליזם האָט דאָס ווען ניט איז אָבגעלייקענט?

עס איז גאַנץ פאַלש צו בעהויפטען, אַז דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם וויל ערקלערען דיא עקאָנאָמישע געבוי פון דער געזעלשאַפט ניט אַריינרעכענענדיג דערביי דיא נאַטירליכע אומשטענדען.

מאַרקס און ענגעלס האָבען גאַנץ גוט פער־שטאַנען, אַז ביי דיא נעגערס, וועלכע זיינען צושפּרייט איבער דיא וויסטענעס פון אַפריקאַ, מוז זיין אַ גאַנץ אַנדערע פּאָליטישע און סאָציאַ־לע איינריכטונג, וויא ביי דיא איינוואָהנער אויף דיא אינזלען פון עגעאישען ים, אָדער וויא ביי דיא סעמיטען פון דיא ברעגעס ירדן.

ניט דיא נאַטור אַליין פעראורזאַכט די ענדע־רונגען, וועלכע געהען תמיד אָן אין דעם געבוי פון געזעלשאַפטליכען לעבען. דער קלימאַט, דיא ראַסע, דיא געאָגראַפישע לאַגע פון אָרט, דיא פּרוכבאַרקייט, דאָס אַלעס זיינען ניט מעהר וויא פּאַסיווע, ניט ווירקענדע עלעמענטען, דאָס אַלעס זיינען פאַקטאָרס, וועלכע רופען ניט אַרויס קיינע ענדערונגען; דער איינציגער וויר־קענדער עלעמענט, דער רעכטער רעוואָלוציאָ־נערער פאַקטאָר איז דיא מענשליכע אינדוסטריע, דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען, וועלכע ענדערען דיא מעטאָהדען ענדערען דיא ארט און וועיזע דורך וועלכע מען פּראָדוצירט דיא לעבענסמיטעל.

ווען דער איצטיגער קלימאַט אין פראַנק־רייך איז ניט גלייך צו דעם קלימאַט, וועלכער האָט געהערשט אין צייט פון צעזאַר, איז עס דארום, ווייל מען האָט געענדערט דיא מעטהאָ־דען פון בעאַרבייטען דאָס לאַנד, מען האָט גע־ענדערט דעם לויף פון וואַסער, מען האָט גע־ענדערט דיא פערטהיילונג פון דיא וועלדער. ווען דיא מאָראַל פון דיא בעפעלקערונג האָט זיך שטאַרק געענדערט זייט דיא רוימישע הער־שאַפט, איז עס דארום, ווייל דיא סאָציאַלע אומשטענדען האָבען אַרויסגערופען דיא עראָבע־רונגען פון יענע לענדער דורך דיא באַרבאַרען. ווען דיא נאַטירליכע רייכטימער קענען היינט בעפריעדיגען אַ סך מעהר בעדירפניסע וויא אַמאָל, איז עס דארום, ווייל דיא וויסענשאַפט און דיא קונסט האָבען אויסגעפונען נייע מיטעל, דורך וועלכע דיא רייכטהימער קענען פערמעהרט ווערען גאָר אָהן אַ צאָהל, בקיצור דיא נאַטור ענדערט זיך ניט פון זיך אַליין, דאָס איז דער מענש, וועלכער ענדערט דיא נאַטור.

עס קען נאַטירליך ניט אָפּגעלייקענט ווערען, אַז דיא נאַטור אַליין שפּיעלט אויך אַ געוויסע ראָלע, דיא הויפּט ראָלע אין דער געשיכטע אָבער שפּיעלט דיא מענשליכע ארבייט, וועלכע האָט אומגעענדערט דעם פּנים פון גאַנצען ערדקוגעל און פעראורזאַכט פּאָליטישע און רעליגיעזע רע־וואָלוציאָנען, דערפון איז אָבער ניט גערדרונגען און דיא מאַרקסיסטען האָבען עס קיין מאָל ניט בעהויפּטעט, אַז דיא גייסטיגע און מאָראַלע קרעפטען שפּיעלען קיין שום ראָלע ניט אין דיא סאָציאַלע ענטוויקלונג.

וועגען דעם הערט מען ניט אויף צו טענה'ען, אַז מאַרקס האָט דאָס בעהויפּטעט.

נאָר אפשר האָבען דיא גרינדער פון היס־טאָרישען מאַטעריאַליזם צו וועניג געשעצט דיא בעדייטונג פון דיא מענשליכע און גייסטיגע קרעפטען? מיר רעכענען, אַז ניט; פערקערט מיר מיינען, אַז זייערע ווערקע זיינען שטאַרק דורכדרונגען מיט אידעאַליזם.

אום צו קריטיזירען דעם קאַפּיטאַליזם, האָבען זיי אָנגעווענדעט דיא שטרענגסטע פאָר־מע פון לאָגיק. דיא לאָגיק איז אָבער געגרינ־דעט אויף אַ מאָראַלען גרונד: דיא גערעכטיג־קייט פאָדערט, אַז יעדערער זאָל קריעגען דעם גאַנצען ערטראַג פון זיינע ארבייט.

דער סאָציאַליזם, רעכענען זיי, וועט פער־ווירקליכט ווערען דורך דיא עקאָנאָמישע פאַק־טאָרען, דיא מאָראַלע און אינטעלעקטועלע פאַקטאָרען וועלען אָבער אויך שפּיעלען דאַביי אַ גרויסע ראָלע. דער גאַנצער קאָמוניסטישער מאַניפעסט איז אַ געוואַלדיגער אַפּפּיל צו דעם בעוואוסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט, צו ערוועק־קען אין איהם ענערגיע, איניציאַטיווע און סאָ־לידאַריטעט.

ווייטער — און דאָס זאָל מען גוט האָבען אין זינען — דיא ווירקונג פון דיא עקאָנאָמישע קרעפטע אַליין ווערען בעאיינפלוסט דורך דעם מענשליכען פערשטאַנד. מען זאָגט און מיט רעכט, אַז דער אויפבויען פון איין אייזענבאַהן אָדער פאַבריק, אַז דיא ענטדעקונג פון אַ קוילען

גרוב, דיא ערפינדונג פון א נייע מאשין האט א פיעל גרעסערע ווירקונג אויף דיא פאליטיק און רעליגיאן, וויא הונדערטע ביכער אדער רעדעס, וואס אנדערס אבער זיינען דיא ערפינדונגען דיא אלע טעכנישע רעוואלוציאן, וויא ניט דער רעזולטאט פון גייסטיגע ארבייט?

„דער היסטארישער מאטעריאליזם, זאגט קארל קויטסקי, לייקענט בשום אופן ניט אפ דיא ווירקונג פון מענשליכען געדאנקען אויף דיא געזעלשאפט, ער גיט נאר איין אנדער ערקלערונג פיר דיא ווירקונג, דער געדאנקען ערשיינט דא ניט אלס דער הערר פון דיא עקאנאמישע בעדינגונגען, נאר אלס זייער דיענער, זיי דיא אומשטענדען גיבען אויף אויפגאבען צו ערפילען, זיי געבען אויך מיטעל עס צו לייזען."

מיר וואלטען זעהר געוואלט זיך לייגגער אפשטעלען אויף דעם אינטערעסאנטען ארטיקעל, פון וועלכען מיר האבען דא אויבען ציטירט. דאס וואלט געווען דער בעסטער בעוויז געגען דיא פאלשע בעשולדיגונג, וועלכע מען מאכט צו דיא וואס מען רופט גאר ניט ריכטיג ארטהאדאקסישע מארקסיסטען. אזוי וויא מארקס אליין טרעטען זיי אויך ארויס געגען דיא וועלכע ערקלעהרען דיא געשיכטע דורך דיא ווירקונג פון עפעס א בעהאלטענעם גייסט. די שאפונג פון די סחורות און דיא גאנצע עקאנאמישע געביידע פונקט אזוי וויא יעדע אנדערע געזעלשאפטליכע ערשיינונג — איז דיא שעפפונג פון מענשליכע פערשטאנד, וועלכער איז געקומען אין בעריהרונג מיט דער ווירקליכקייט. דאס, וואס זיי רופען אן — ניט גאנץ ריכטיג — דער היסטארישער מאטעריאליזם, קען מען אויך אנרופען אידעאליזם, ווייל זיי אליין גיבען צו, אז יעדע געזעלשאפטליכע ערשיינונג איז צו גלייכער צייט אויך איין גייסטליכע ערשיינונג, מען דארף נאטירליך דאביי ניט פערגעסען, אז דער אידעאליזם פון מארקס אונטערשיידעט זיך אין גאנצען פון דעם, וואס מען איז געוויינט אונטער דעם ווארט צו פערשטעהען. אנשטאט צו זעהען אין פאליטיק מאראל,

רעליגיאן, פילאזאפיע ערשיינונגען, וועלכע זיינען אין גאנצען אדער וויינינגסטענס טיילס אונאבהענגיג פון דיא עקאנאמישע אומשטענדען, בעהויפטעט ער, אז דער עקאנאמישער געבוי פון דער געזעלשאפט איז דער הויפט פונדאמענט, אויף וועלכען עס ווערען געבויט דיא רעליגיעזע, פילאזאפישע און אנדערע איינריכטונגען פון יעדער צייט און סוף כל סוף געפינען זיי אין דעם דיא ערקלערונג.

(ענגעלס)

היסטארישער מאטעריאליזם — ווען מיר זאלען שוין געברויכען דעם ווארט — איז קודם כל א מעטאדע, א מיטעל צו ערקלערען דיא אייסערע ערשיינונגען פון געזעלשאפטליכען לעבען דורך פאקטארס, וועלכע זיינען ניט אזוי לייכט צו בעמערקען, וועלכע זיינען אבער אן און פיר זיך וויכטיג, פאקטארס, וועלכע זיינען בעהאלטען אין דעם עקאנאמישען יסוד פון דער געזעלשאפט.

ווען מיר שטודירען איין היסטארישע ערשיינונג, בעמערקען מיר קודם כל דיא מאטיווען, דיא פרינציפען וועלכע ווערען ערקלערט.

ווען דיא פעראייניגטע שטאאטען האבען ערקלערט קריעג שפאניען, האט מען אונז פערזיכערט, אז מען טהוט דאס, כדי צו העלפען דיא קובאנישע רעוואלוציאנערען, און צו בעפרייען דיא אונגליקליכע קובאנער, וועלכע דער „קצב" וועהלער האט געזוכט אויסצוראטען דורך הונגער און שווערד, אט דיא שעהנע ליבעראלע צוזאגעניך ווירקט וואונדערפאל; מען ווערט בעגייסטערט פיר דיא אידעע. נאר, אום אויסצוגעפינען דעם אמת'ן גרונד, דיא ריכטיגע מאטיווען, וועלכע דיא פעראינטערעסירטע זוכען צו בעהאלטען, אום דאס אויסצוגעפינען, מוזען מיר זיך ווענדען צו דיא ערקלערונג פון היסטארישען מאטעריאליזם, און דא זעהען מיר אז דער עקאנאמישער גרונד, וועלכער איז פערדעקט מיט א דרייפאכען שלייער פון מאראל, פאליטיק און רעליגיאן, שפיעלט דיא הויפט ראלע. דיא אמעריקאנער קאפיטאליסטען האבען זיך שוין לאנג פארגענומען צו עראבערען קובא, זיי האבען דארטען אריינגעלעגט אן ערך פון 30 ביז 40 מיליאן דאלאר אין צוקער פאבריקען; דיא בעפעלקערונג האט ניט אויפגעהערט צו רעוואלטירען, דער האנדעל האט צוליעב דעם שטארק געליטען; דיא געוואלדיגע גרויסע פאשלינעס, וועלכע שפאניען האט איינגעפיהרט, האט געמאכט דעם האנדעל כמעט אונמעגליך. דיא פעראייניגטע שטאאטען, וועלכע האבען געליטען פון דעם וואס זיי האבען ניט געהאט וואו צו פערקויפען זייערע סחורות זיינען געווען געצוואונגען צו זוכען א נייעם מארק, וואו אבצוזעצען זייערע סחורות. אום דאס צו עררייכען, איז געווען איין מיטעל: איינצושלינגען דיא שפאנישע קאלאניע — קובא, דארום: „עס לעבע קובא'ס פרייהייט־" „ארויס מיט דיא מאנאכען פון דיא פיליפינען!"

איין היסטאריקער אדער שטאאטסמאן, וועלכער וואלט ניט אין אנבעטראכט גענומען אט דיא בעהאלטענע מאטיווען וואלט פשוט ניט פערשטאנען און וואלט ניט אבגעשעצט ריכ־

טיג דיא וויכטיגע עקאָנאָמישע ערשיינונג. פון דער אנדערער זייט ווידער וואָלט געווען ניט וויניגער פאַלש זיך אָפּצושטעלען בלויז אויף דיא בעהאַלטענע מאָטיוועז, צו זוכען צו ערקלע־רען דיא גאַנצע האַנדלונג בלויז דורך עקאָנאָ־מישע אורזאַכען און אויסצולאָזען אין גאַנצען דעם איינפלוס פון אידעען, געפיהלע, פּאָליטיק, מאָראַל.

אָננעהמענדיג אָט דעם פאַלשען שטאַנד־פּונקט. האָבען מיר צו פערדאַנקען, אַז פיעלע, וועלכע מיט אונרעכט רופען זיך אויך מאַרק־סיסטען, פערדאַמען געוויסע האַנדלונ־גען, וועלכע קענען זיין גאַנץ ניצליך פיר דעם פּראָלעטאַריאַט.

איינינע, וויא ק. קאָרנעליססאָן, אַ שילער פון מאַרקס און באַקונין ווילען ניט הערען פון פּאָליטישע טהעטיגקייט, נאָר לייגען אַרויף זיי־ערע גאַנצע האָפנונג אויף דיא אויטאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן פון דיא אַרבייטער. אַנדערע פערדאַמען אירגענד וועלכע מאָראַלישע טהעטיג־קייט, אונטער דעם אויסרייד, אַז שכורות, צום ביישפּיעל, איז איין עקאָנאָמישע אורזאַכע, זאָ־גען זיי זיך גאַנץ אָפּ, אירגענד וואָס צו טהאָן, אום דיא מגפה אויסצוראָטען. דיא דריטע ווי־דער בעטראַכטען דעם קאַמפּף געגען דיא רעלי־גיאָן אַלס אַ צושפּליטערונג פון דיא קרעפטע; זיי בעהויפּטען, אַז דיא פראַגע וועט שוין פון זיך אַליין געלייזט ווערען נאָך דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן און דארום איז גאַנץ איבריג און אפילו שעדליך זיך אָפּצוגעבען מיט אַזאַ זאַך איצט. אָט דיא אַלע אַנזיכטען, וועלכע זיי־נען געגרינדעט אויף אַ טעאָרעטישען פעהלער, געפינען רק וויניגער און וויניגער אָפּקלאַנג אין דיא הערצער פון דיא אַרבייטער. אומעטום און איבערהויפּט אין ענגלאַנד האַלט נור דער טרייד־יוניאָניזמוס ביין אונטערגעהען. דער אַרביי־טער קלאַסס, זעהענדיג דיא גרויסע נוצען, וועל־כע דיא בעזיצענדע קלאַססען ציהען דורך דעם, וואָס דיא פּאָליטישע מאַכט געפינט זיך אין זייערע הענד, זוכט דער אַרבייטער קלאַסס דיא מאַכט צו עררובערען. פון דער אַנדערער זייט, מאָראַלע פראַגען, מכוח וועלכע מען האָט זיך פריהער גאָר ניט אינטערעסירט, ווערען יעצט געשטעלט אויף'ן טאַגעס־אָרדנונג פון יעדען סאָ־ציאַליסטישען קאָנגרעס. אין בעלגיען, אין דער שווייץ, אין עסטרייך האָט מען צו פער־דאַנקען דיא מאַרקסיסטען וויא אָטטאָ לאַנג, וויקטאָר אַדלער, וואָס מען האָט זיך שטאַרק גע־נומען געגען שכורות.

עס קען זיין מען וועט אונז אנווייזען, אַז אונזערע דייטשע גענאָססען לאַכען דערפון, וועל־כע אייך זאָגען, אַז עס איז געווען אַ צייט, ווען דיזעלבע גענאָססען האָבען אויך געלאַכט פון אונזער קאָאָפּעראַטיווע בעוועגונג.

וואָס אנבעלאַנגט דיא רעליגיעזע פראַגען, איז געגנוג אַ קוק צו געבען אויף דיא היינטיגע פּאָליטישע לאַגע אין אייראָפּאַ, אום זיך צו איבערצייגען, אַז דאָס רוב אַרבייטער בעטראַכ־טען דיא נויטהווענדיגקייט פון אַ קאַמפּף גע־גען דיא היילינע אמונה פיר אַ פיעל וויכטיגע־רע זאַך, וויא עס איז אין דער אמת'ן. דיא סאָ־ציאַליסטען וואָלטען בעגאַנגען אַ געוואַלדיגען פעהלער, ווען, האָבענדיג אין אויג בלויז זייע־רע פּרינציפּען, וואָלטען ניט אנגעווענדעט אַלע זייערע כוחות, אום תמיד צו האַלטען דיא אַר־בייטער אויף דעם באָדען פון קלאַסען־קאַמפּף.

דאַמיט איז פערשטענדליך דיא ערקלעהרונג: פון דיא דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אויף דעם ערפורטער קאָנגרעסס, אַז „רעליגיאָן איז אַ פּריוואַט זאַך". דאָס הייסט, אַז דיא סאָציאַ־ליסטען, אַלס אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, ווענדען זיך צו אַלע אַרבייטער, אום אָנצופיהרען אַ קאַמפּף געגען קאַפּיטאַל און זיי קימערן זיך נישט דאַרום, וועלכע רעליגיעזע אָדער פילאָזאָפישע אַנ־זיכטען דיא אַרבייטער זאָלען ניט האָבען. דאָס הייסט אויך, אַז אין אַ געזעלשאַפט, אין וועל־כען דער רעליגיעזער קאַמפּף שפּיעגעלט אין זיך אָפּ דעם עקאָנאָמישען קאַמפּף, איז דיא איינ־ציגע רעטונג אָפּצוטהיילען דיא קירכע פון שטאַאַט. אין דעם זין שטימען מיר פאָלשטענ־דיג איין מיט דיא ערפורטער פּראָגראַם, דאָס בעדייטעט פריי געוויסען און דיא אונאַבהעינ־גיגקייט פון דיא בעאַמטע פון שטאַאַט פון דיא קירכע.

מיר מוזען אָבער צוגעבען, אַז פון דער פאָרם אין וועלכע דיא פאָדערונג איז אויסגע־דריקט, קומען אַרויס גרויסע אונבעקוועמליכ־קייטען; מען קען איהר צווידייטיג פערשטע־הען, און זיא האָט אין זיך אויך אַ סך אונפער־שטענדליכעס. מען קען עס אויסטייטשען — און פיעלע טהוען עס אויך אַזוי — אַז דיא סאָ־ציאַליסטען גיבען זיך גאָר אָפּ מיט פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגען. „לאָמיר זאָרגען וועגען דעם, וואָס עס טהוט זיך דאָ, אויף דער ערד, דעם הימעל לאָזען מיר איבער פיר דיא מלאכים און פיר דיא כלי קודש."

דיא יעניגע, וועלכע זאָגען דאָס, פער־שטעהען ניט, וואָס פיר אַ געוואַלדיגע ווירקונג דיא רעליגיעזע שייכות האָבען אויף דעם סאָציאַ־לען לעבען. רעליגיאָן איז אי דיא לעהרע וועגען ענטשטעהונג פון דער וועלט (קאָסמאָגאָניע), אי דיא לעהרע פון דיא געזעלשאַפט (סאָציאָלאָ־

גיע) צו דערזעלבען צייט. זאָ צום ביישפּיעל, דיא קאטוילישע רעליגיאָן בענוגענט זיך ניט מיט דיא ערקלעהרונג פון בראשית ברה, בעשעפּטיגט זיך ניט נאָר מיט דער אמונה, נאָר אויך מיט מאָראל. אים נאָמען פון דעם בורא — און וועלכען קיין רייכער גלויבט ניט מעהר — פּרייריגט דיא קאטוילישע רעליגיאָן צום ביישפּיעל, אזא מין מאָראל, וועלכער איז זעהר שעדליך פיר דיא אָרימע. ווען דיא אָרימע וועלען פערשטעהן, אז דיא רייכע האָבען שוין לאנג אויפגעהערט צו גלויבען, ווייל עס איז געגען דעם פערשטאנד און געגען דיא וויסענשאפט, זיי מאכען זיך אָבער וויא זיי וואָלטען כלומרשט יא גלויבען, ווייל אזוי לוינט זיך זיי, ווען דיא אָרימע וועלען דאָס אויסגעפינען, דאן איז א סוף צום קאטאָליציזמוס. מיר מוזען אויך ניט פערגעסען, אז אום צו צוברעכען, מוזען מיר אויך קענען בויען. ווען מיר ווילען, אז דער אלטער, פערשימעלטער, דורך און דורך פערפוילטער גלויבען זאָל אין גאנצען פערניכטעט ווערען, מוז זיך דער סאָציאליזמוס ערהייבען העכער איבער דיא אללטעגליכע זאָרג. דיא אמונה, וועלכע בעוועלטיגט אין גאנצען דעם מענשען, מוז דער כאָציאליזם ווידערשטעללען זיינע אנזיכטען איבער רעכט, פפליכט, געזעלשאפט, וועלט. אום דאָס צו עררייכען, מוזען מיר אנווענדען אונזערע אללע כוחות צו פעראייניגען דעם דיינקער מיט דעם פּראָלעטאריאט, אָדער בעסער געזאָגט, וויא מארקס דריקט זיך אויס: „דיא בעוועגונג פון עמאנסיפּאציאָן האָט איהר קאָפּ דיא פילאָזאָפיע און איהר הארץ דעם פּראָלעטאריאט. דער אידעאל פון דיא פילאָזאָפיע קען ניט פערווירקליכט ווערען אָהנע דיא ערהייבונג פון פּראָלעטאריאט; דער פּראָלעטאריאט קען זיך ניט ערהייבען אָהנע צו פערווירקליכען דעם פילאָזאָפישען אידעאל, ווען אָבער דיא אללע אינערליכע בעדינגונגען וועלען ענדליך זיין ערפילט, וועלען מיר זעהען וויא דייטשלאנד וועט אָפּלעבען.“

דער 19טער יאהרהונדערט איז געוועזן צו גלייכער צייט, אי א יאָהרהונדערט פון ארבייטער, אי א יאָהרהונדערט פון געלעהרטע. נאָר ביז דיא לעצטע יאָהרען האָבען זיי ביידע — דיא וויסענשאפט און דיא דעמאָקראטיע — געשטרעבט בעזונדער צו דעם זעלבען ציעל, אזוי וויא דיא וואסער פון דיא טייכען, וועלכע פליסען אין איינעם און מישען זיך דאָך ניט צוזאמען. איצט איז דיא פעראייניגונג שוין געשעהן אָדער עס האלט ביין געשעהען.

פריי איבערזעצט פון איזאק אָרטמאן.

פּראָלעטארישע אַפאריזמען

פון יודזשין וו. דעבס.

איבערזעצט פון י. ס.

1.

דיא „שווארצע ליסט“ ענטהאלט דיא נעמען פון דיא ריינסטע מענשען.

2.

אָהן דעם ארבייטער־קלאַס וואָלט דיא ערד געוועזן וויא א מדבר, און זיך אלץ געקייקעלט אין דעם פּוסטען רוים.

3.

דיא ארבייטער טהוען אלץ דינג; דיא קאפּיטאליסטען האָבען אלץ דינג. דיא קאפּיטאליסטען טהוען גאָר ניט, דיא ארבייטער האָבען גאָר ניט.

4.

אין דעם בוך פון דער נאטור איז אויסגעקריצט דער אייביגער געזעץ אז קיינער פון איהרע קינדער קענען ניט געניעסען קיין אמת'ע פרייהייט, כל זמן אנדערע פון איהרע קינדער זיינען געקייט אין שקלאפעריי.

5.

ווען דער ארבייטער־קלאַסס וועט אראָפּשליידערן דיא קאפּיטאליסטישען קלאַס פון זיינע פּלייצעס, דאן וועט ניט זיין קיין ניעדעריגע און קיין העכערע קלאַסען — דאן וועט נור זיין דאָס פאָלק.

6.

אין אלע לענדער פון אייראָפּא מושטירט דער ארבייטער־קלאַסע זיינע מיליאָנען סאָלדאטען און פלאקערט אין זיי אָן א רעוואָלוציאָנערען גייסט, און דיא טראָהנען פון דיא קעניגליכע פּאראזיטען צופאלען פון אמה.

7.

ווייט אין פערפראָגער ריסלאנד, גיבען טויזענדע מענשען אוועק זייערע לעבענס, כדי זייערע קינדער און קינדס־קינדער זאָלען זיין פריי. מארטירער פון פרייהייט און יורשים פון עהרע זיינען דיעזע זיהן און טעכטער פון דער שקלאפעריי.

דיא קראַנקהייטען פון דיא טענעמענט הייזער

א שטיקעל ערד 25 פוס ביי 100, פון וועלכע 15 פוס ברייט, פריי פאַר אַ הויף; דאָס איז דער לאָט (אַרום ניו יאָרק צוטהיילט מען איצטער שטיקער לאַנד אויף לאָטס וועלכע זיינען סך הכל 20 פוס אויף הונדערט — הייסט עס, אז שפּע־טער וועלען דיא טענעמענט הייזער זיין נאָך קלענער וויא דיא היינטיגע.) אויף דיא 85 פוס איז געבויעט אַ הויז וועלכע איז צוטהיילט אויף 4 ניט גלייכע חלקים. יעדער איינער פון דיזע חלקים רופט מען אַ וואוינונג; יעדע וואוינונג איז צוטהיילט אויף 2, 3, אָדער 4 אבטהיילונגען און יעדער אבטהיילונג רופט מען אַ רום, אַ חדר; יעדער חדר איז אויף אזא אַן ערך 10 פוס אין דער לייגג, אין דער ברייט און אין דער הויך, דאָס זיינען דיא דורכשניטליכע רומס און וואה־נונגען פון דיא טענעמענט הייזער אין ניו יאָרק.

איך בין זיכער אַז מיינע צייל־ען וועלען געלעזען ווערען נור פון אַזעלכע לעזער וואָס זיינען קלאָר אויף אויסוויינינג, וואָס אַ טע־נעמענט הויז איז, און דאַרפען ניט געהען אויף דער טובערקולאָזיס־אויסשטעלונג אַ קוק טהאָן, כדי צו וויסען וויא אַ טענעמענט הויז זעהט אויס.

אָבער איך בעשרייב עס, אום קלאָר צו מאַ־כען וואָס מי מיינט מיט'ן וואָרט „טענעמענט הויז קראַנקהייטען".

אַ גרויסער טהייל קראַנקהייטען קומט אַרוים דערפון וואָס אַ מענש לעבט ניט נאָך דיא גע־זעטצע פון דער נאַטור, דאָס הייסט, ער בע־פריעדיגט ניט דיא נאָרמאַלע פאָדערונגען פון זיין קערפּער; למשל, ער עסט שפּייז וואָס דער מאָגען קען ניט פערדייען; ער שלאָפט ניט גע־נוג; עסט ניט, שלאָפט ניט אין דער צייט; טהוט זיך ניט אָן קליידער וועלכע זיין קערפּער פאָדערט נאָכ'ן וועטער נאָך, וכדומה.

ווען אַ מענש טהוט אָט אַזוינע זאַכען סיי מיט זיין אייגענעם ווילען, סיי געצוואונגענער־הייט, ווערט ער ביסלעכווייז אָבגעשוואַכט, ווערט קראַנק, איין קראַנקהייט מאַכט דעם קערפּער אַ מכניס אורח פאַר אַנדערע קראַנקהייטען, און אויב דעם מענשענס אויפפיהרונג פערבעסערט זיך ניט — שטאַרבט ער.

נו, אַז מיר געהען היינט ריידען וועגען טענעמענט־הויז קראַנקהייטען — ווילען מיר בע־טראַכטען צו אין אַ טענעמענט הויז מוזען פער־אורזאַכט ווערען אָט דיא דאָזיגע קראַנקהייטען צו נייך; און אויב אפילו יא, ווילען מיר חוקר ודורש זיין פאַר וואָס דוקא אין אַ טענעמענט־הויז, און ניט אַ בעל הבית'שע הויז; און אין וועלכען פּרט איז דוקה דיא טענעמענט הויז דיא אורזאַכע פון קראַנקהייט און דיא בעל הבית'שע הויז ניט.

אַ טענעמענט הויז איז געבויעט ניט אויף צו וואוינען פאַר'ן בעל הבית, נור אויף צו פער־דינגען פאַר אַנדערע, כדי צו ברייגגען 10 אָדער 20 פּראָצענט אויף'ן קאַפּיטאַל, וואָס דיא הויז און דער פּלאַטץ קאָסטען; פערשטעהט זיך, אַז דערפאַר מוז אַ טענעמענט הויז זיין זייער גרויס, און ווייל דער פּלאַטץ איז קליין און טהייער, און דיא הויז קען ניט וואַקסען ניט אין דער לייגג און ניט אין דער ברייט, על כן וואַקסט אַ טענעמענט הויז מעהר ניט וויא אין דער הויך.

אַ ניו יאָרקער טענעמענט הויז האָט גע־וועהנליך 5 פלאָארס (עטאַזשען) (די לענדלאָרדס האָבען איינגערעדט דעם עולם, אז דעם ערשטען פלאָאר דאַרף מען ניט רעכענען, ווייל מען רופט עם בייסמענט (קעלער), און דעם צווייטען פלאָאר דאַרף מען אויך ניט אריינרעכענען אין חשבון ווייל מען האָט עס אַ נאָמען געגעבען סטוֹר אָדער גראַונד פלאָאר — אָבער סאַי אין בייס־מענט און סאַי אויפ'ן סטוֹר וואוינען מענשען גראַדע וויא אויף דיא אַנדערע פלאָרס). מיט אַ פאָאר יאָהר צוריק האָט מען אָנגעהויבען צו בויען 6 און 7 שטאָקיגע און אפילו 8 שטאָקיגע הייזער; דערפון קומט אַרויס, אַז אויפ'ן קליי־נען שטח פון 100 פוס לאַנג און 25 פוס ברייט לעבען און אָטהעמען פון 20 ביז 28 פאַמיליעס, אַ מעשה וואָס האָט נאָך, מיר דוכט זיך, קיין מאָל ניט פּאַסירט זייט מענשען לעבען אויף דער וועלט.

נון, לאָמיר זעהען וואָס איז דאָ אַזוינס אין טענעמענט הויז וואָס ברייגגט דערצו אַז צווישען מענשען זאָלען זיך דאָרטען ענטוויקלען קראַנק־הייטען, וועלכע וואָלטען ניט פאָרקומען אין בעל הבית'שע הייזער.

עס פערשטעהט זיך, אַז אין טענעמענט הויז וואוינען געוועהנליך אָרעמע מענשען; עס איז אָבער מעגליך, אַז אַן איינוואוינער פון טע־נעמענט הויז זאָל האָבען אַ פּיאַנאָ, אָדער אַ גאָלדענעם רינג, אָדער זאָגאר אַ פאָאר הונדערט דאָלער. עס זיינען אָבער פאַראַנען אייניגע זאַכען,

וועלכע זיינען זעהער וויכטיג פאר'ן מענשענס געזונדהייט, וועלכע מען קען בשום אופן ניט קריעגען אין א טענעמענט הויז, דהיינו:

פרישע לופט.

א מענש מוז אטהעמען; 18 מאל יעדע מי־נוט סאפעט (אטהעמט) יעדער מענש אין זיך אריין לופט און סאפעט עס ארויס; מען איז דערצו אזוי געוויינט, אז מען בעמערקט עס גאר ניט; אבער אטהעמען מוז מען; אז אלע טהיילען פון קערפער לעבען, — ארבייטען זיי שטענדיג, און ניטצען זיך שטענדיג אב; — דיא אבגעניטצטע טהיילען וואלטען דערשטיקען דעם קערפער, אבער דאס בלוט האלט שטענדיג אין איין פליעסען און וויא א שטראם שווייננקט דיא בלוט מיט זיך אוועק אלע אבגעניצטע טהיילען, און פערקעהרט לאזט איבער פרישען מאטעריאל, וועלכע לעבט ווידער אב דיא אבגעמאטערטע טהיילען פון קערפער; דיא בלוט ווערט אבער דערפון אליין פארשוויצט, אום זיך אליין אבצו־פרישען, ווען דאס בלוט קומט אין דיא לונגען, זויגט זיא אין זיך אריין דעם זויערשטאף*) פון דיא לופט, און דיא אבגעניטצטע טהיילען פון קערפער קעהרט דיא בלוט אום צוריק צו דיא לופט, אויף אזא אופ'ן אטהעמען מיר אין זיך אריין זויער שטאף דעם ריכטיגען „רוח אפינו“, און מיר אטהעמען ארויס אנאנדער מין לופט, וועלכע ענטהאלט אין זיך אנאנדער מין גאז, וואס מען רופט קארבאניק עסיד, און אויף אנדערע אבגעפוילטע טהיילען פון קערפער.

אטהעמען איז זייער א וויכטיגע בעדירפ־ניס פון קערפער; מען קען לעבען פיעל שטונדען און טעג אהן עסען און אהן טרינקען; אבער, אז מען איז געצוואונגען איינצוהאלטען דעם אטהעם חאטש איין מינוט — פעראורזאכט עס גרויסע מאטערניש.

אבער אטהעמען אליין איז נאך ניט אלעס, עס ווענדעט זיך וואס מען אטהעמט אין זיך אריין.

אום לופט זאל זיין געזונט פאר'ן מענשען

„ריקעטס“.

דארף עס האלטען אין זיך ¼ זויערשטאף, און קארבאניק עסיד דארף זיין ניט מעהר 5 — 4 טהיילען אין 10.000. דאמאלס, אויב דיא לופט איז אין אזא פראצענט, הייסט עס דער מענש אטהעמט איין פרישע לופט.

אבער מיט יעדעם אטהעם־צוג, פלומפט יע־דער מענש אין זיך אריין 30 קוביק אינטשעס לופט, וועלכע פארליערען 5 פראצענט (8-4 פראצענט) פון זייער זויערשטאף אין דיא לונ־גען; דיא לופט פון דיא לונגען קומט ארויס גאר

*) לופט איז ניט איינער פון דיא יסודות, וויא עס האבען געלערענט דיא אלטע חכמים, נור א געמיש פון פארשידענע גאזען, ד. ה., אזעלכע מינים מאטעריאלען וועלכע זיינען א גאנץ דין און דורכזיכטיג — אזוי וויא לופט גופא; לופט בע־שטייט פון 79 פראצענט (אונגעפעהר פיער פינפטעל) פון א גאז וועלכען מי רופט נייטראדזשען (אזאט) פון 19.96 פראצענט (אונגעפעהר ¼) פון אקסיזשען, (זויער שטאף) פון א א גאנץ קליינעם חלק פון אר־גאן וועלכעס איז אויסגעפונען געווארען ערשט מיט א יאהר צוריק, און וועמעס ווירקונג אויפ'ן מענ־שענס קערפער איז נאך ניט גענוג שטודירט, און פון א קליינעם חלק פון א גאז מיט'ן נאמען קארבאניק עסיד 0,4 פראצענט אדער 4 טהיילען אין 10,000) מיט ארגאן זיינען מיר ניט גענוג בעקאנט; נייט־ראדזשען איז ניט טהעטיג און האט א קנאפען וויר־קונג אויפ'ן קערפער. אקסיזשען איז דער עלעמענט וואס האלט אויף פייער און דעם אטהעם פון אלע חיות א חוץ פלאנצונגען. אן אקסיזשען קען קיין פייער ניט ברענען, קיין חיה ניט אטהעמען; קאר־באניק עסיד דער היפוך פון אקשיזשען, עס פאר־לעשט איהם נור יעדען פייער און דערשטיקט יעדע חיה וואס אטהעמט. גאזען וויא אקסיזשען און קאר־באניק עסיד, האבען א כח זיך שנעל צומישען זיך איינער מיט'ן אנדערען, אבער ווען מענשען זיינען צונאהענט און צו איינג, ניט אויף א פרייעם פלאטץ, אטהעמט איינער איין דעם אנדערען'ס פארדארבענע לופט נאך איידער דיא גאזען מישען זיך אויס.

מיט קאַרבאָניק עסיד, פאַרשטעהט זיך, אַז דיא לופט אין יעדען צימער אום צו בלייבען פריש, ווען מענשען זיינען דאָ, מוז שטענדיג געענדערט ווערען; מען מוז זעהען, אַז דורך אָפענע טהירען אָדער פענסטער זאָל דיא אָבגעניטצטע לופט שטענדיג קענען ארויספליעסען און פרישע לופט שטרענגער אריינשטראָמען; אַ בעוואוינטער חדר מוז שטענדיג „ווענטילירט" ווערען; דער געוועהנליכער טענעמענט רום איז 10 ביי 10 ביי 10 פוס ד. ה. 1000 קוביטשנע פוס גרויס; נון, איז אָבער אויסגערעכענט געוואָרען, אַז לופט זאָל זיין גענוג און פריש מוז מען געבען 2000 קוביטשנע פוס פאר יעדען פארשוין (אין א שלאָפצימער), און מוז דער חדר אזוי ריין „ענטילירט" ווערען, אַז 1500 ביז 2000 קוב. פוס פרישע לופט זאָל אריינקומען אין חדר יעדע שעה, פאר יעדען פארשוין—אָט דאָס פאָדערט אַ דורכשניטליכער מענש אום צו האָבען גענוג פרישע לופט, כדי אויפצוהאַלטען אַ געזונטען קערפער אין גוטען צושטאַנד.

ווען מען לייגט צו צו דעם חשבון, אַז אין דיא טענעמענט הייזער וואוינען ניט איינער, נור 2, 3 און אמאָל 4 פארשוין אין יעטוועדער חדר; אז דיא פענסטער זיינען ניט, און קענען ניט זיין אלע מאָל אָפען; אַז דיא אַמעריקאַנער פענסטער עפענען זיך מער ניט וויא אַ העלפט; אַז ווען מען עפענט שוין אויף דיא פענסטער, קומט ערשט אריין לופט וועלכע איז שוין צעהנדליגע מאָל איין און אויסגעאָטהעמט געוואָרען פון דיא אנדערע איינוואָהנער וואָס וואוינען איבער אייך; אַז דער „הויף" איז אייגענטליך ניט מעהר וויא אַ זומפ פון שטעהענדיגע איבערגעאַטהעמטע לופט ארומגערינגעלט מיט משונה'דיג — הויכע ווענט, וועלכע ערלויבען ניט קיין מאָל קיין ריכטיגען ווינד צוצוקומען צום גרונד פון דער גרוב וואָס איז אָנגעפילט מיט פערפוילטע לופט — און, אַז אָט דיא לופט דיא פערעיפושטע, דיא פערשימעלטע פול מיט מיאוסע ריחות — אָט זיא דארף דאָס „ווענטילירען", אָבלופטיגען דיא שלאָף-צימער ווען מען עפענט שוין דעם פענסטער, — אַז מען לעגט זיך דאָס אַלין איבער, ווערט יעדען קלאָר, אַז וואָס — וואָס, נאָר פרישע לופט — וויא עס פאָדערט דעם מענשענס קערפער צו קענען אויפהאַלטען געזונדע טהעטיגקייט — אַזעלכע פרישע לופט איז אבסאָלוט אונמעגליך אין דורכשניטליכען טענעמענטהויז דיסטריקט.

זונען שיין.

2. זונענשטראהלען האָבען אין זיך ניט נור דעם כח צו בעלייכטען, נור אויך אַ כעמישען כח צו בעלעבען און צו פערגרעסערען. דיא קראַפט פון פלאַנצונגען און חיות; פלאַנצונגען און חיות וואָס באָדען זיך פול אין זונען-שטראַהלען זיינען געזונד און קרעפטיג; דיא וועלכע פארברייננגען מעהר צייט אין שאטען און פינסטערניש, וואַקסען אויף בלייך, שוואַך און קראַנק, און אַמאָל אויך פארקריפעלט.

אין טענעמענט הייזער איז נור אויף דיא אויבערשטע עטאַזשען, וואָס דיא פענסטער קוקען ארויס צו דרום-זייט — נור אין דיא וואוינונגען איז דאָ זונענשיין; אין דיא ניעדעריגע עטאַזשען, אין אַלע הינטערשטע הייזער, אין דיא הייזער וואָס דיא פענסטער קומען ארויס אויף צפון אָדער אויף מעריב זייט קוקט דיא זונן קיינמאָל ניט אריין; און מעהר וויא ¾ טענעמענט הייזער קוקט דיא זונן אלזאָ קיינמאָל ניט אַריין,—עס דערלאַנגט אַ צופ די האַרץ ווען מען דערמאָנט זיך, אַז אַ שוואַכער אָדער קראַנקגעוואָרענער מענש קען פערברענגען אין הויז טעג און אַ מאָל וואָכען, און אזוי לאַנג וויא ער געהט ניט ארויס זעהט ער קיין איין מאָל ניט אָן דיא זונען-שיין! מיר וועלען אָבער זעהען שפעטער, אַז דער פערלוסט פון זונען-שיין מיינט — ניט נור אַ פערלוסט פון מוטה און לעבענסלוסט — נור עס מיינט אויך, אַ פערמעהרונג פון גיפטיגע און געפעהרליכע קליינינטשקע, מיקראָסקאָפּישע חיות רעות, עס מיינט מיאזמען, (אַנשטעקונגען) און עפידעמיען פון געפעהרליכע קראַנקהייטען.

3. רוהע. אויך רוהע איז אין טענעמענט-הויז אונמעגליך: אַ מענש דאַרף ארבייטען, און נאָך דער אַרבייט, ווען ער איז פאַרמאַטערט אָדער אַזוי אויפגעלייגט, מוז ער האָבען אַ געלעגענהייט זיך אין גאַנצען צו פערגעסען אָן אַלעם וואָס שטערט און בעאונרוהיגט דיא אויסגעמאַטערטע נערווען זאָלען קענען רוהיגערהייט וויעדער זיך ערהאָלען, — אַ מענש מוז האָבען אַ צייט, אין וועלכע זיין מאַרך זאָל ניט זיין אָנגעשטרענגט, ווען אַלע 5 חושים זאָלען זיין אין אַ מעהר אָדער וועניגער פאָלשטענדיגען רוהע צושטאַנד.

אין טענעמענט הויז איז עס אונמעגליך.

צווישען 20-30 פאַמיליעס — מוז אַלע 24 שעה פאָרקומען אַלערליי פאַסירונגען. דער מילך-וואָגען, דער בוטשער, דער אַגענט, דער פעדלער, דיא שכנ'טע, דיא קאַר, דער עלעווייטער; דאָ אַ קראַנקע קינד, ביי דער שכנ'טע; אַ שרפה, אַ געוויינערין, אין דער אַנדערע הויז; דיא יונגע לייט וואָס קומען שפעט פון טהעאַטער; דער פארבלאָנדזשעטער שכן פון אנדער הויז; יעדער נאָכפרעגער; יעדער קלאַפט אין דער טהיר; יעדער פרעגט, יעדער באַדערט, אַזוי וויא דיין נשמה וואָלט געווען אַ גאַס איבער וועלכער יע־

דער פרעמדער דארף קריעכען; דאָס איז אַ חוץ דיא אייגענע פאַמיליע, דיא אייגענע צרות און אייגענע טראָבעל; אזוי הייבט זיך עס אָן 6-5 אזייגער באַגינען און האלט אָן וויא אַ אָמת'ער סמבטיון, ביז 11-12 אמאָל ביז 1 אזייגער ביי־נאַכט. דער קאָפּ קען קיינמאָל זיך ניט אָברוהען און געוויינט זיך צו צו אַ צושטאַנד פון כראָנישע אויפרעגונג.

איך וואָלט נאָך וועלען זאָגען אַ פּאָאר ווערטער איבער אנדערע אייגענשאַפטען פון דער טענעמענט הויז, בעזאָנדערס איבער די ריינקייט, נור מיין הקדמה האָט זיך שוין פארצויגען צו פיעל.

פון דער אויבען בעשריעבענער טבע פון דיא טענעמענט הייזער קומען ארויס פערשידענע קראַנקהייטען וועלכע דער לעזער וועט עס ער־לויבען צו רופען טענעמענט הויז קראַנקהייטען.

דיא ענגלישע קראַנקהייט.

„דיא ענלישע קראַנקהייט? וואָס איז דאָס אזוינס? פרעגען פיעלע פון מיינע לעזער; „אויב עס איז אַ טענעמענט־הויז קראַנקהייט, זיינען מיר דאָך עפּעס אויך שטיקלעך מחותנים, און עס הערט זיך עפּעס גאָר ניט פון אַן „ענגלי־שע קראַנקהייט."

און דאָך איז דיעזע קראַנקהייט, כאָטש זעלטען בעקאַנט אונטער דעם נאָמען, אַ שטענ־דיגער גאַסט אין דיא טענעמענט.

מען רופט דיא ענגלישע קראַנקהייט, ווייל אַן ענגלישער דאָקטאָר איז געווען דער ערשטער וואָס האָט עס בעשריעבען (אין יאָהר 1650) און אויך ווייל דיא קראַנקהייט איז געווען פער־שפּרייט אין ענגלאַנד מעהר וויא אין אנדערע לענדער (פיעלייכט דערפאַר וואָס דאָרטען האָ־בען ארבייטער פריהער אָנגעהויבען צו לעבען ענגער און געדריקטער, נעבען דיא גרויסע מאַ־נופעקטוריעס).

אַן אנדער נאָמען פאַר דער קראַנקהייט איז „ריקעטס" ד. ה. צודרייט, צולאַמט; ווייל אָפט ווען דיא קראַנקהייט געהט אוועק צו ווייט, בלייבט דאָס קינד מיט אויסגעדרייטע פיס, הענד אָדער מיט אַן אויסגעדרייטען רוקען (ראַקיטים).

„ריקעטס" — איז אַ קינדער־קראַנקהייט, און דיא קראַנקהייט פאַנגט זיך אָן אזוי לייכט, אַז דיא מוטער זעהט זיך אייגענטליך גאָר ניט ארום ווען און וויא אזוי דאָס קינד ווערט קראַנק; דאָס קינד איז אומרוהיג אין שלאָף, שרייט פיעל, דאָס קעפּעל ווערט אָפט פארשוויצט, דיא ציינדלעך קומען ארויס שפּעט, דאָס קינד קיהלט זיך אָפט צו, און הוסט זיך אונטער אביסעל; דאָס זיינען אזעלכע „קליינינקייטען" וואָס אַן אָרעמע מוטער קען דערפון ניט מאַכען קיין גרוי־סען ווערט, און מוז צו אַלע איהרע אנדערע אומנות, אויך אליין ווערען דער דאָקטאָר; לייגט צו קאָמפּרעסלעך, שפּרעכט אָב אַן עין הרע, פּסלט דאָס קינד, און זיא טרייסט זיך דערמיט וואָס דאָס קינד איז אַזאַ חכם — אזוי קלוג, אַז עס איז זיך גאָר ניט אָבצו־וואונדערען, דער אמת איז, אַז אָט דיא קראַנקע קינדער זיינען געוועהנליך פיעל קלוגער וויא געזונטע קינדער, אין זייערע יאָהרען*), אָבער דאָס קינד האָט אַ משונה'דיגען אויסזעהען: געוויינליך איז עס אזוי מאָגער אַז מען קען דיא ביינדלעך ציילען; אויף אַ העלדזועלע דין ווי אַ שטעקעלע האלט זיך קוים אַ קאָפּ וואָס איז משונה גרויס, פאַר אַזאַ קינד; דיא הענטלעך און פיסלעך זיינען דין און אויסגעבויגען; און דער בויך גרויס און אויפ־געבלאָזען וויא אַ פאַס.

וואָס איז אזוינס מיט'ן קינד געשעהען?

דאָס בלוט פון יעדען מענשען ענטהאַלט אין זיך אויפגעלייזט אַלע מעטאַלען וואָס זיינען

„ריקעטס"

נעטהיג אום אויפצוהאַלטען אין געזונדען צו־שטאַנד אַלע צעלען, אַלע געוועבען פון קערפּער, צו שפּייזען זיי און צו פאַרריכטען און בענייען

*) א געלערענטער שטודירענדיג אַן אלטע סטאטוע, שטיינערנע פיגור. פון דעם וועלט־בעריהמטען עזאָפּ (וועלכער האָט פערפאסט אזעלכע שיינע און קלוגע משלים), בעהויפּטעט אז ער האָט געפונען אויף דער סטאטוע קלאָרע סימנים, וועלכע בעווייזען איהם, אז עזאָפּ איז אויך געווען א „צודרייטער" אין זיין קינדהייט.

יעדע צעללע, וויא נור עפּעס ווערט אביסעל אב־געניטצט; ביי א קינד מוז אין דיא בלוט אויך זיין אלע מעטאלען וואס דיא צעללען דארפען האבען כדי צו קענען וואקסען און אויך זיך צו פארמעהרען. דאס איז אלץ גערעדט ווען א מענש אדער א קינד איז געזונד; אפט אבער פאסירט עס, אז דורך פערשיעדענע אורזאכען, ווערט דיא בלוט פעראָרעמט, און איניגע פון דיא מעטאלען הייבען אן צו פעהלען אין דיא בלוט; נאטירליך. ווערען דיא צעללען פון מענשענס קערפער ניט ריכטיג גענעהרט, און דער קערפער פון קינד וואקסט ניט אזוי וויא עס דארף.

אין „נעקעטס“ ווערט דיא בלוט פאראָרעמט אין דעם סארט שטאף וועלכער איז נויטהיג צו בויען דיא קנאכען, דיא ביינער; קומט דערפון ארויס, אז דאס קינדס ביינדעלעך האבען ניט דיא נעטהיגע הארטקייט, דיא ביינדעלעך זיינען צו ווייך און קענען זייער אומנות ניט פארריכ־טען.

וואס זשע קומט דערפון ארויס?

דיא ביינדעלעך קענען דעם קינד ניט דיע־נען וויא געהעריג. דהיינו: דאס קינד פּראָבירט זיך שטעלען, דיא קנאכען פון דיא פיס זיינען אבער צו ווייך אויפצוהאלטען דעם קערפער, בייגען זיי זיך אויס און ווערען אויסגעדרייט; ביי אזעלכע קינדער ווען זיי געהען, זעהען אפט זייערע פיסעלעך אויס וויא האלבע רעדער.

אבער ווען עס שפּארט זיך אב אויך דיא הענטלעך, ווערען דיא הענטלעך אויך אויסגע־בויגען.

דער שערעל, דיא קנאכען פון קאפּ בלייבען צו לאנג ווייך, דיא ביינערנע ברייטלעך וואקסען זיך ניט צוזאמען, און דעם קינד'ס מח בלייבט אפען פיעל לענגער וויא ביי געזונטע קינדער (און ווייל אזעלכע קינדער האבען געוויינליך זעהר א שארפען שכל קען זיין, אז דערפון שטאמט אויך וואס מען זאגט וועגען א קלוגען: „ער האט אן אפענעם מח!“)

מיר האבען גערעדט, אז מיר אטהעמען, ד. ה. אז א שטארקער מוסקעל האלט שטענדיג אין איין פּלומפּען לופט אריין און ארויס פון די לונגען, אז דאס פּלומפּען זאל געהן אין ארדנונג, מוזען דיא ריפּען פון ברוסט האבען א בעשטימטע הארטקייט, ביי „צודרייטע“ קינדער זיינען אבער דיא ריפּען ווייך און דאס אטהעמען קען ניט אנגעהען וויא עס דארף, דאס קינד האט דערפון זיינע לונגען קיינמאל ניט אין געזונטען צושטאנד, שטענדיג פארקאטערט, זייער לייכט קראנק צו ווערען אויף דיא לונגען, און ווען דיע־זע ארעמע קינדער קריעגען לונגען ענטצינדונג — וויא עס איז אפט דער פאל, האבען זיי קיין כוחות ניט אויסצוהאלטען דיא 8 טאג און שטארבען וויא פליעגען.

אויב דאס קינד איז א מיידעלע ווערען אפטמאל דיא ביינער פון איהרע היפטען אזוי צודרייט, אז ווען זיא בלייבט לעבען און וואקסט אויף, און עס קומט איהר אויס צו ווערען א מו־טער, קומט עס איהר אן מיט גרינע גאל, און א מאל מוז זיא אויף דורכגעהען א געפעהרליכע אפּעראציע, אדער גאר בעצאהלען מיט'ן לעבען.

איז דיא קראנקהייט געפעהרליך?

פון „ריקעטס“ שטארבט מען ניט, אבער אזעלכע קינדער (א חוץ דעם וואס אפטמאהל בלייבען זיי צודרייטע אויפן גאנצען לעבען) ווערען לייכטער אנגעגריפען פון לונגען קראנק־הייטען, מאגען און געדערעם קראנקהייטען און אפט אויך פון געהירן קראנקהייטען, און פיעלע פון דיא קינדערלעך פאלען קרבנות צו דער שרעק־ליכער אויסצעהרונג, א קראנקהייט, וויא מיר וועלען שפּעטער זעהען וואס איז אויך א שטענ־דיגע איינוואוינערין פון טענעמענט הויז.

זעהען מיר אז האטש ריקעטס איז אליין זעלטען דיא דירעקטע אורזאכע פון טויט, אבער עס צוקאליעטשעט אזוי דאס קינד, שוואכט אזוי אב דיא פערדייאונגס קראפט און אטהמונגס־ארגאנען פון קינד — אז אנדערע קראנקייטען אטאקירען דאס וועלכע וואלטע קיין שליטה ניט געהאט איבער איהם, אויב דאס קינד וואלט דיא ריקעטס“ ניט געהאט. דירעקט טויטעט עס זעלטען, אבער אינדירעקט אבשוואכענדיג דאס קינד און עפענענדיג אלע טירען פאר אנדערע קראנקהייטען, טויטעט „ריקעטס“ טויזענדער קינדער יעדען יאהר. אין יעדען ארבייטער־קווארטאל.

און יעצט קומען מיר צום וויכטיגסטען פונקט.

וואס זיינען דיא אורזאכען וואס מאכען אז קינדער זאלען קראנק ווערען פון ריקעטס?

אז מיר וועלען בעטראכטען ווער דיא פּא־ציענטען זיינען וועלען מיר קומען אויפ'ן סליאד פון דיא אורזאכען.

ריקעטס איז איינע פון אפטסטע קינדער־קראנקהייטען, בעזאנדערס אין דיא געדיכט־בע־וואוינטע שטעדט וויא לאנדאן, מאנטשעסטער, פּראג, וויען, ניו יארק. א. ז. וו. אין וויען צ. ב. זיינען דא „צודרייטע“ קינדער וואס זיינען יינ־גער וויא 3 יאהר. קיינמאל ניט ווייניגער וויא 80 פּראצענט, און דאס זעלבע קען מען אויך זא־גען וועגען אזעלכע שטעדט וויא לאנדאן אדער מאנטשעסטער. דיא קראנקהייט זעהט מען גע־וויינליך צווישען ארימע קינדער, בעזאנדערס אזעלכע וואס האבען ניט געהאט דיא ברוסט;

אָדער אין ברוסט־קינדער, וועמעס מוטערס אר־בייטען נאָכ'ן קינדבעט.

איינע פון דיא וויכטיגסטע אורזאכען פון דיא קראנקהייט איז, אז דיא קינדער קריעגען ניט קיין פרישע לופט און זונענשיין; ביי וואָהלהאַבענדע מענשען קריעגען אָפט אויך דיא קינדער ניט גוטער־מילך, יעדענפאַלס געזונטע מוטער־מילך, צוליעב וועלטליכע אורזאכען, און יענע קינדער ענטוויקלען אויך מאנכע מאָל ריקעטס, אָבער קיין מאָל ניט אין אזא שטארקע, שארפע פאָרמע וויא דיא אָרימע קינדער, וועלכע, א חוץ זייערע שלעכטע שפייז, זיינען זיי נאָך גאַנצענע טעג און נעכט פארשפאַרט אין איינגע, פינסטערע צימערען, פול מיט איבער און איבערגע־אטהעמטע לופט, פול מיט געשטאנק און פוילנעס.

דיא קראנקהייט איז דערפאר א קראנקהייט פון טענעמענט־הויז, און פון ארימקייט, און וועט קיין מאָל ניט אָבגעשאפט ווערען ביז אָרעמקייט וועט ניט ווערען אָבגעשאפט. *)

אפילו צווישען דיא אָרעמע קלאסען איז „ריקעטס" ניט אזוי שטארק פארברייטעט וואו דיא קינדער, האָטש אָרעם, האָבען אָבער גענוג פּלאַץ זיך צו שפּילען אין דרויסען, אין פעלד. אָבער ווען דאָס קינד איז שטענדיג פארשפארט אין א ריר־הויז, ווען עס האָט ניט קיין מוטער־מילך, אָדער שלעכטע ניט געזונטע מוטער מילך, אָדער איז גענעהט אויף דיא ביליגע פארפעלשטע שפייזען מיט וועלכע יעדער אפּטייק איז פול, דאן איז דאָס קינד זיכער צו קריגען ריקעטס, די ערגסטע פאָרמען פון „ריקעטס" ענטוויקלען זיך אין דיא פעללע ווען דיא עלטערען זיינען אליין געוויינט געוועזען צו לעבען אין פיעל פרישע לופט און זונן־שיין, און זיי ווערען ארויסגעטריעבען פון זייער לאַנד, וויא זיד־רוסען, אונגארן, איטאליענער א. ז. וו. און מוזען עמיגרירען פון זייער היים און ווערען פארשפארט אין א טענעמענט הויז אין ניו יאָרק, אָדער טשיקאגאָ אָדער אַנאַנדער גרויסע שטאָדט, און לעבען אָן לופט און אָהן זונענשיין; דיא עלטערען פארהארטעוועט אין קאמפף־אומס־דאזיין געוויינען זיך וויא עס איז צו; פאר דיא יונגינקע עופה'לאך איז דער איבערבייט צו שארף און צו פלוצלונג, און אויב זיי שטארבען ניט גלייך אוועק, ווערען זיי לכל־הפחות פארקריפעלט דורך דיא ערגסטע פאָרמען פון „ריקעטס."

וואָס קען מען טאָן פאר א קינד וואָס איז קראנק מיט „ריקעטס"? וויא קען מען דאָס קינד אויסהיילען?

מ'זאָגט, אז פיש־אויל (קאָד ליווער אָיל) איז זייער גוט פאר דיא קליינינקע פאציענטען, ווייל עס גיט דעם קערפער דיא פעטס וועלכע דאָס קינד קען ניט קריעגען פון שלעכטע־ברוסט־מילך, אָדער פון דיא קינסטליכע שפייז, וואָס מ' קויפט אין אפטייק. דיא טהאטזאכע איז אָבער קלאָר, צו מיט פיש אויל צו אָהן פיש־אויל — דיא אלע פאציענטען, אויב דיא קראנקהייט איז ניט פארגאנגען צו ווייט — ווערען אלע געזונד וויא נור מ'נעמט זיי ארוים פון דיא פארשטיקטע, פינסטערע טענעמענט־הויז, און מ'קערט זיי אום צו מעהר נאטירליכע אומגעבונגען, אין דיא קאַנטרי צ. ב. אָדער מ'נעהמט אוועק פון זיי דיא פארפעלשטע שפייזען וואָס פארדארבען זייערע מאָגען און בלוט, און מ'נעהרט אויף נאטירליכע געזונטע מילך, יעדעס קינד נאָך זיין עלטער און קערפער געבוי; אויב אָבער דער קראנקער מוז בלייבען אונטער דיא אונגעזונטע אומשטענדען, דאן איז „ריקעטס" אונקורירבאר, און דעם דאָקטאָר בלייבט איבער דיא לעבערליכע און ניט זייער ערהאבענע ראָלע צו געבען דער מוטער עצות וואָס ער ווייס אז עס איז אבסאָלוט אונמעגליך דורכצופיהרען און פארשרייבען רעצעפטען וואָס ער ווייס אז אין בעסטען פאַל האָבען זיי נור א גאנץ קליינעם ווערטה.

און אזוי וויא אונזער ציוויליזאציאָן קען ניט עקזיסטירען סיידען מיליאָנען ארבייטער מיט זייערע ווייבער און קינדער מוזען לעבען פארשפארט אין פינסטערע און פארשטיקטע טענעמענט הייזער, איז ריקעטס אונפערמיידליך און איז דער צווילינג פון אונזער ציוויליזאַציאָן; *) עס קען נישט אָבגעזונדערט ווערען פון קאפּיטאליזם, אזוי וויא א בוים פון זיין שאָטען, און עס וועט פארשוואונדען ווערען נור דאן ווען דער קאפּיטאליזמוס וועט פערשוואונדען ווערען און מיט איהם דיא פינסטערע פארפעסטעטע טענעמענט הייזער, אין וועלכע ביי יונגינקע קינדערלעך ווערט ארויסגעקוועטשט זייער געזונד און זייער לעבען, נאָך איידער זיי וואקסען אויף און קענען א קוק טהאָן אויף דאָס שעהנע וועלט.

דר. מ. גירדזשאנסקי.

---

*) Allbut's A system of Medicine Vo. IV.

Cyclopedia of the diseases of children. Keating, Vol. II.

קארל מארקס אלס קארעספאנדענט



קארל מארקס

ווען מיר רעדען וועגען קארל מארקס, האבען מיר געוועהנליך אין זינען דעם געניאלען פערפאסער פון „קאפיטאל“ און דעם פאטער פון וויסענשאפטליכען סאציאליזמוס. דאס קומט דערפון, וואס זיינע ריעזיגע, אונשטערבליכע לייסטונגען אויף דעם פעלד פון פאליטישע עקאנאמיע, האבען פערדעקט זיינע לייסטונגען אויף אנדערע פעלדער, הגם זיי זיינען אויך זעהר בעדייטענד און וואלטען איהם אויך פערשאפט א גרויסען שם. זיין גייסט איז געוועזן אן אוניווערסאלער; ער איז געוועזן ניט נאר א טיעפער דענקער, זאנדערן א גרויסער און פיעלפאכער געלעהרטער. אפילו דיא מיליטערישע קונסט האט ער גוט פערשטאנען! ווען מען לייענט זיינע ארטיקלען איבער דעם סעבאסטאפאלער קריעג און בעזאנדערס איבער דעם פאל פון דער פעסטונג, קארס, ווערט מען ניט ווילענדיג ערשטוינט איבער זיינע טיעפע מיליטערישע קענטניסע און איבער זיין ווייטען סטראטעגישען בליק. פון וואנען האט זיך עס צו איהם גענומען? ווען האט ער צייט געהאט צו שטודירען מיליטערישע ביכער אזוי וויט און ברייט, אז ער האט געקענט קריטיקירען דיא מאנעווערען אין שלאכטען וויא א געניטער גענעראל?

עס איז ווירקליך א וואונדער!

זעהר וועניג סאציאליסטען זיינען בעקאנט מיט זיינע פובליציסטישע ארטיקלען איבער פערשיעדענע מאגעס־פראגען פון זיין צייט. ארטיקלען, וועלכע זיינען צוזעעט און צושפרייט אין פערשיעדענע זשורנאלען און צייטונגען; אבער נאך וועניגער ווייס מען פון זיינע קארעספאנדענצען. א געוויסע צייט פון זיין פיעלטהעטיגען לעבען האט ער געמוזט פערברייינגען אלס א פאליטישער קארעספאנדענט, אום איינפאך צו דערהאלטען דיא נשמה אין גוף. אין מיטען פון לעצטען יאהרהונדערט איז ער געווען דער ספעציעלער לאנדאנער קארעספאנדענט פון דער ניו־יארקער צייטונג „טריבון“, א צייטונג, וועלכע האט דאן געהאט א גאנץ אנדערן פנים און כאראקטער, וויא יעצט.

א גרויסער טהייל פון דיעזע קארעספאנדענצען איז מיט א יאהר צעהן צוריק צוזאמענגעקליבען געווארען פון זיין אינגסטע און פעהיגסטע טאכטער, דיא פיעל־בעדויערטע עלעאנארע, צוזאמען מיט עדוארד עוועלינג, און זיינען ארויסגעגעבען געווארען אין א בוך־פארם אונטער דעם נאמען „איסטערן קוועסטשען (דיא אריענטאלישע פראגע)“. אויף דיעזען בוך וועלען מיר זיך דא אפשטעלען וויא לאנג דער בעשרענקטער פלאץ פיר אן ארטיקעל אין דער „צוקונפט“ ערלויבט עס.

דיא פאסירונגען, איבער וועלכע ער האט געשריעבען, זיינען פערצייכענט מיט בלוטיגע בוכשטאבען אין דער וועלט־געשיכטע. זיי בעציהען זיך דירעקט אדער אינדירעקט צו דער וועלט־דראמא, וועלכע טראגט דעם נאמען „סעבאסטאפאלער קריעג“. וויא בעוואוסט, איז דיעזע מלחמה ארויסגערופען געווארען אין 1853 דורך דיא שטענדיגע כאפערייען פון רוסלאנד אין טירקיי, דורך דעם אונערזעטליכען אפעטיט פון דער צארען־רעגיערונג נאך נייע לענדער. דער טיראן ניקאלאי דער ערשטער, „דער אונפערגעסליכער“, וויא דיא רוסישע רעוואלוציאנערען רופען איהם, האט אין זיין דעספאטישער גדלות געמיינט, אז ער קען ניט נאר פיהרען פאר׳ן נאז גאנץ אייראפא אלס דער הויפט־זייל פון דער רעאקציאן געגען רעוואלוציאן, זאנדערן, אז ער קען אונבעשטראפט פערכאפען אפילו קאנסטאנטינאפאל. מיט דעם פוילען תירוץ, אז ער מוז באשיצען דיא קריסטליכע אונטערטהאנען פון סולטאן, האט ער אריינגערוקט זיינע ארמעען אין מאלדאוויא און וואלאכיא און איז דארט פערבליעבען טראטץ אלע פראטעסטען פון דיא אנדערע מעכטע, ספעציעל פראנקרייך און ענגלאנד, וועלכע האבען באשיצט טירקיי צוליעב

זייערע אייגענע אינטערעסען. ניקאָלאַי האָט זיך געקליבען צו צוטהיילען דעם אייראָפּעאישען טהייל פון דער טערקישער אימפּעריע אזוי וויא זיין באָבע קאטערינא האָט עס געטהאָן מיט פּוילען. נאָר אזוי ווי ער האָט זעלבסטפערשטענדליך, געוואָלט דעם בעסטען חלק — קאָנסטאַנטינאָפּאָל — איז עס ניט געגאַנגען, און ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבען אזוי לאַנג געפּאָדערט, אז ער זאָל צוריקציהען זיינע סאָלדאַטען, און ער האָט אזוי לאַנג געהערט וויא דיא קאַטץ, גלויבענדיג, אז זיי וועלען ניט אייניג ווערען ארויסצוטרעטען מיט געוועהר געגען איהם, דאָס ענדליך זיינען זיי געצוואונגען געווען צו ערקלעהרען קריעג און בעלאַגערן סעבאַסטאָפּאָל.

רייידענדיג וועגען דיא סעבאַסטאָפּאָלער מלחמה, בעט זיך א פערגלייך מיט דער יאַפּאַנעזער מלחמה, וועלכע האָט זיך גליקליכער־ווייזע געענדיגט נאָך מיט א ביטערער מפּלה פאר דיא אונערטרעגליכע צאַרען־הערשאַפט. נאַטירליך, דיא געשיכטע ווידערהאָלט זיך קיין מאָל ניט, דען דיא צייטען און אומשטענדען זיינען אַנדערע, אָבער זעהר אָפט האָבען פּאַסירונגען אין פערשיעדענע צייטען מערקווירדיגע עהנליכקייטען. אזעלכע עהנליכקייטען וואַרפען זיך אין דיא אויגען, ווען מען בעטראַכט דיא אורזאַכען, וועלכע האָבען געפיהרט צו דער סעבאַסטאָפּאָלער מלחמה אין 1853 און צו דער יאַפּאַנעזער מיט 52 יאָהר שפּעטער. דאַמאָלס האָט ניקאָלאַי דער ערשטער געוואָלט פערכאַפּען א גרויסען טהייל פון טירקיי, רעכענענדיג, אז אייראָפּא וועט עס שליסליך דערלאָזען אוים פורכט פאַר זיין מיליטערישע מאַכט, און אין אונזער צייט האָט זיין אור־אייניקעל ניקאָלאַי דער צווייטער און האָפענטליך דער לעצטער, געוואָלט פערכאַפּען א וויכטיגען טהייל פון דער כינעזישער אימפּעריע, גלויבענדיג, אז יאַפּאַן וועט ניט וואַגען אָנצופאַנגען א מלחמה.

און דער סוף איז אין ביידע פעלע אויך געווען דערזעלבער. דאַן, אזוי גוט וויא יעצט, האָט זיך ארויסגעוויעזען דער פערפוילטער קערפּער פון דער רוסישער אימפּעריע; דאַן, אזוי גוט וויא יעצט, האָט זיך ארויסגעוויעזען, אז דיא מיליטערישע מאַכט פון צאַריזמוס איז א פערשריענע, אז דיא גאַנצע צאַרען־אימפּעריע איז א ריעז אויף ליימענע פיס און אז זיא האָט ארויפגעיאָגט א שרעק, ווייל דיא קאַפּיטאַליסטישע הערשער פון וועסט־אייראָפּא זיינען צו פייג. אין דער צייט פון סעבאַסטאָפּאָלער קריעג וואָלט דיא רוסישע אימפּעריע אין גאַנצען צוקלאַפּט געוואָרען, ווען ענגלאַנד און פראַנקרייך וואָלטען געווען פאָלשטענדיג אייניג און וואָלטען געקעמפּפט פאַר זייער אייגענע עקזיסטענץ, אזוי וויא יאַפּאַן אין אונזער צייט. ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבען דאַן נאָר געוואָלט צווינגען רוסלאַנד ארויסצורופען איהרע סאָלדאַטען פון דיא טערקישע פּראָווינצען און וויא נאָר זיי האָבען ערררייכט דיעזען צוועק נאָך דעם פאַל פון סעבאַסטאָפּאָל, האָבען זיי זיך צוריקגעצויגען און געלאָזען דאָס אָרימע רוסישע פאָלק אונטער דער הערשאַפט פון דער צאַרען־קנוטע. זיי האָבען נאָר געוואָלט אָנלערנען דעם רוסישען צאַר, ער זאָל ניט אזוי פערררייסען דעם נאַז, און האָבען בעוויעזען, אז געגען א ציוויליזירטע מאַכט קענען אלע רוסישע ארמעען ניט בעשטעהן — דען אויך דאַן האָט רוסלאַנד ניט געהאַט צו פערצייכענען אפילו איין רעכטען זיעג, אזוי וויא אין דער מלחמה מיט יאַפּאַן — אָבער אין דער ווירקליכקייט האָבען זיי געהאַט אן אינטערעס, אז דיא רוסישע טיראַנניי זאָל פערבלייבען, נעמליך, דעם אינטערעס צו האָבען אין רוסלאַנד א שטיצע געגען דעם שטייגענדען שטראָם פון רעוואָלוציאָן.

קאַרל מאַרקס האָט ניט איין מאָל אָנגעוויעזען אויף דעם אין זיינע קאָרעספּאָנדענצען איבער דער סעבאַסטאָפּאָלער מלחמה. מיט זיין שאַרפע אויג האָט ער אויך פּאָראויסגעזעהען דיא מיליטערישע שוואַכקייט פון דער רוסישער אימפּעריע. אין איין קאָרעספּאָנדענץ (זעה זייט 593, „דיא רוסען אלס קריעגערס"), בעווייזט ער מיט א רייהע פאַקטען אויס דער מיליטערישער געשיכטע, וויא דיא רוסען זיינען מייסטענס צוקלאַפּט און בעזיעגט געוואָרען, ווען נאָר זיי האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט ציוויליזירטע פעלקער.

נאָר דאָס אלעס איז אגב אורחא. ניט וועגען רוסלאַנד און וועגען דעם סעבאַסטאָפּאָלער קריעג ווילען מיר דאָ ריידען, זאָנדערן וועגען קאַרל מאַרקס זעלבסט, אלס קאָרעספּאָנדענט.

עס איז זעהר אינטערעסאַנט צו לעזען דיעזע קאָרעספּאָנדענצען ניט בלויז צוליעב זייער אינהאַלט, וועלכער האָט א געוויסען היסטאָרישען ווערטה, זאָנדערן הויפּטזעכליך, ווייל מיר זעהען איהם דאָרט אין א גאַנץ אַנדערן שיין, וויא אין „קאָמוניסטישען מאַניפעסט" און אין „קאַפּיטאַל". מען דאַרף דיעזע קאָרעספּאָנדענצען זעהר זאָרגפעלטיג דורכזיפּען, אום צו געפינען עפּעס א סאָציאַליסטישען קערנדעל. ער איז דורכאויס, קען מען זאָגען, א פּאָליטישער קאָרעספּאָנדענט. נאַטירליך, כמעט אין יעדער שורה זעהט מען, אז דער שרייבער איז א העכסט געבילדעטער מאַן און א בקי אין געשיכטע, דיפּלאָמאַטיע און מיליטערישע קונסט; אָבער ווען מען זאָל ניט וויסען, אז קאַרל מאַרקס האָט דאָס

געשריעבען, וואלט מען עס ניט דערקענט. אפילו זיין טאכטער האט געהאט גרויסע שוויעריגקייטען אויסצוגעפינען, וועלכע קארעספאנדענצען זיינען פון איהם זעלבסט געשריעבען געווארען. יעדענפאלס איז אין קיין שטעלע ניט צו זעהען, אז דער קארעספאנדענט איז געוועזן א סאציאליסט. פאר דיא סאציאליסטען, וועלכע מוזען קארעספאנדירען אין קאפיטאליסטישע צייטונגען, אום צו מאכען א לעבען, און מוזען זיך היטען ניט ארויסצוצייגען זייער ריכטיגע פארבען — זאל דאס דיענען אלס א טרויסט.... אז דער רבי מעג, מעג אויך דער שילער. דארט וואו קארל מארקס טרעט שוין ארויס געגען דיא בורזשואזיע און רעדט פון פראלעטאריאט, געברויכט ער דעם ווארט רעוואלוציאן. ער זוכט אפילו ניט אריינצושמוגלען דעם ווארט סאציאליזמוס.

אין אלע זיינע קארעספאנדענצען צייגט ער זיך ארויס אלס א ביטערער פיינד פון דער רוסישער אימפעריע. ער אגיטירט קרעפטיג פיר א מלחמה געגען רוסלאנד. ער מאכט אש און בלאטע פון דיא ענגלישע מיניסטערס דערפאר, וואס זיי דיפלאמאטיזירען צו־פיעל מיט ניקאלאי'ס מיניסטערס און געברויכען ניט געוואלט געגען דיא געוואלט־אקטען פון רוסלאנד אין טירקיי. זיינע אטאקעס אויף לארד אבערדין און ספעציעל אויף לארד פאלמערסטאן, דיא דאמאלסדיגע פיהרערס פון דער ענגלישער אויסלענדישער פאליטיק, זיינען שארף וויא מעסערס.

אום צו פערשטעהן, ווארום קארל מארקס איז אזוי היים געוועזן פאר א קריעג געגען רוסלאנד, וועט גענוג זיין צו ברייגען פאלגענדען אויסצוג פון זיין קארעספאנדענץ אונטער דעם קעפעל „דיא ריכטיגע אישו אין טירקיי" (זעה זייטע 18):

„רוסלאנד, שרייבט ער, איז אן עראבערנדע נאציאן, און אזעלכע איז זיא געוועזן זייט א יאהר הונדערט ביז דיא גרויסע בעוועגונג אין 1789 האט ארויסגערופען דיא מעכטיגע טהעטיגקייט פון א שרעקליכען געגנער. מיר מיינען דיא אייראפעאישע רעוואלוציאן, דיא עקספלאדירענדע קראפט פון דעמאקראטישע אידעען און דעם מענשען'ס נאטירליכע דורשט נאך פרייהייט. זייט דיזער צייט זיינען אין דער ווירקליכקייט געוועזן נאר צוויי מעכטע אויף דעם קאנטינענט פון אייראפא: — רוסלאנד אין אבסאלוטיזמוס, רעוואלוציאן אין דעמאקראטיע. פארלויפיג שיינט דיא רעוואלוציאן צו זיין אונטערדריקט, אבער זיא לעבט און ווערט געפירכטעט אזוי טיעף וויא פריהער. אלס ביישפיעל קען דיענען דער שרעק פון דיא רעאקציאן נאך דער נייעס וועגען דעם אויפשטאנד אין מילאן. אבער זאל נאר רוסלאנד פערנעהמען טירקיי, און איהר מאכט ווערט פערשטארקט כמעט אויף א העלפט, און זיא ווערט העכער וויא אלע אנדערע אייראפעאישע לענדער צוזאמען. אזא פאסירונג וואלט געוועזן א שרעקליכער אונגליק פיר דיא רעוואלוציאנערע בעוועגונג. דיא אויפהאלטונג פון דער טערקישער אונאבהענגיגקייט, אדער, אין פאל פון א מעגליכער אויפלייזונג פון דער טערקישער אימפעריע, דיא אבשטעלונג פון דעם רוסישען פלאן פון פערכאפונג, איז א זאך פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. אין דיעזען פאל געהען דיא אינטערעסען פון דער רעוואלוציאנערער דעמאקראטיע און פון ענגלאנד האנד אין האנד. ביידע קענען ניט ערלויבען דעם צאר צו מאכען פון קאנסטאנטינאפאל איינע פון זיינע הויפט־שטעדט, און מיר וועלען אויסגעפינען, דאס ווען מען וועט צוגעשפארט ווערען צו דער וואנט, ווען איינער (דיא רעוואלוציאנערע דעמאקראטיע) קעמפפען געגען איהם אזוי ענטשיעדען וויא דיא אנדערע (ענגלאנד.")

דיעזע שטעלונג געגען רוסלאנד אלס רעוואלוציאנער דריקט קארל מארקס אויס אין מאנכע אנדערע קארעספאנדענצען, אין וועלכע ער פאדערט קריעג פון אייראפא צו רעטען טירקיי פון דיא בערען־לאפעס. אין דיעזער הינזיכט איז ער אויך דער פאטער פון דער אויסלענדישער פאליטיק פון דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטיע. זיין אונגעדולד צו ערקלעהרען קריעג דעם צאר אויף לעבען און טויט איז אזוי גרויס, דאס ער קען ניט פארטראגען דיא דריידלאך און אינטריגעס פון דיפלאמאטען, אויסצומיידען אדער וויייניגסטענס אפצולייגען אזוי לאנג וויא נאר מעגליך, דיעזען לעצטען שריט. דארום פייערט ער עס אזוי אין זיינע קארעספאנדענצען געגען דיא ענגלישע רעגיערונג, וועלכע האט מורא אנצופאנגען א קריעג מיט רוסלאנד, און ער רופט דיא מיניסטערס זאגאר פעררעטהער.

אין א קארעספאנדענץ אונטער דעם קעפעל „רוסישע פאליטיק" דריקט ער זיך אויס אזוי וועגען דיא פערהעלטניסע צווישען רוסלאנד און דיא אנדערע מעכטע (זעה זייטע 187):

„דער הויפט פונקט איז וואס ניקאלאי האט זיך פאלשטענדיג פערלאזען אויף איינשרעקען טירקיי און איהרע פערבונדענע. האט זיך ארויסגעצייגט אין דער גאנצער אנגעלעגענהייט, אבוואהל דאס איז קיין מאל פריהער ניט ארויסגעזאגט געווארען פון אימיצען, וואס האט אנשפרוך אויסצודריקען דיא שטרעבונגען פון דעם רוסישען הויף. דאס איז געוועזן א סטראשאק דיא גאנצע צייט. דיא ערשיינונג און אויפפיהרונג פון קניאז מענשיקאוו אין קאנסטאנטינאפאל זיינען געוועזן דיא חוצפה פון א גראבען קערל, דיא מאניפעסטען פון נעסעלראדע (ניקאלאי'ס הויפט־דיפלאמאט) זיינען געוועזן די סטראשונקעס פון א בויאן; גארטשאנקאוו'ס אריינרייסען זיך אין מאלדאוויא און וואלאכיא בלויז מיט איין ארמעע־קארפוס איז אויך געוועזן ניט מעהר וויא א שריט פון א פוסטען כוואט. אבער דער רעזולטאט איז געוועזן,

אז דיזע סטראשונקעס האָבען גוט געווירקט. ענגלאנד איז בעזאָנדערס איינגעשראָקען געוואָרען... פראנקרייך איז אויך איינגעשראָקען געוואָרען, אָבער ניט אזוי שטארק וויא ענגלאנד, בײדע מעכטע האָבען זיך אָבגעשראָקען פון א פּאָליטיק, וועלכע האָט ווירקליך געקענט גאראנטירען דיא אָנהאלטונג פון פריעדען און אין דער זעלבער צייט אויך פעסטהאלטען זייער עהרע. אויף דיא חוצפּה פון דעם צאר האָבען זיי געענטפערט מיט מינעס פון א פייגלינג... אום צו צייגען, אז זיי מיינען ערנסט בעשיטצען טירקיי, האָבען זיי בעדארפט לאָזען וויסען, אז זיי זיינען גרייט צו אונטערשטיטצען זייערע פאָדערונגען מיט דיא לעצטע ארגומענטען פון קעניגע — פלאָטען און ארמעען. דאָס וואָלט געווען א זיכערער מיטעל אויפצוהאלטען פריעדען. עס איז נאָר דאָ איין וועג צו האנדלען מיט אזא מאכט וויא רוסלאנד, און דאָס איז אן אונערשראָקענער וועג.“

אין אן אַנדער שטעלע פון דער זעלבער קאָרעספּאָנדענץ מאַכט קאַרל מאַרקס פאָלגענדע פּראָפעטישע ערקלעהרונג. (זעה זייטע 189) :

„עס גיבט ענערגיע און קראפט אין דיזער דעספּאָטישער רעגיערונג, און אין דיזער בארבארישער ראסע (רוסלאנד), וועלכע מיר זוכען אומזאָנסט צווישען דיא מאָנארכיעס פון דיא עלטערע שטאאטען. אָבער ווען מיר קוקען אריין אביסעל טיעפער אין דער אורזאכע פון דיזער פערהעלטניסמעסיגער שוואכקייט, געפינען מיר אז זיא איז פול מיט ערמונטערונג. דיא וועסטליכע אייראָפּא איז שוואך און שרעקעדיג, ווייל איהרע רעגיערונגען פיהלען, אז זיי זיינען פעראלטערט און זיינען מעהר ניט בעגלויבט פון זייער פאָלק. דיא נאציאָנען זיינען אויסערהאלב זייערע הערשער און האָבען צו זיי מעהר קיין צוטרויען ניט. מען קען ניט זאָגען, אז דיזע רעגירונגען זיינען ווירקליך בהמה׳דיג, אָבער נייע ווײַן גיסט זיך אין דיא אלטע פלעשער. מיט א בעסערן און מעהר גלייכען סאָציאלען צושטאנד, מיט דער אָבשאַפונג פון קאסטען און פריווילעגיען, מיט פרייע פּאָליטישע אינסטיטוציאָנען, מיט ניט איינגעקלאמערטע אינדוסטריע און מיט עמאנסיפּירטען געדאנקען וועט דאָס פאָלק פון וועסט (אייראָפּא) ווידער זיך אויפהייבען צו מאכט און איינהייט פון צוועק, וועהרענד דער רוסישער קאָלאָס (ריעז) וועט צושמעטערט ווערן דורך דעם פאָרטשריט פון דיא מאסען און דורך דיא עקספּלאָדירענדע קראפט פון אידעען. עס איז ניטאָ קיין גוטע אורזאכע מורא צו האָבען, אז אייראָפּא וועט איינגענומען ווערען פון קאָזאקען. גראדע דיא צוטהיילונגען און שיינבארע שוואכקייט (פון וועסטליכען אייראָפּא), וועלכע קען, דוכט זיך, מאכען מעגליך אזא פּאסירונג (רוסלאנד׳ס הערשאפט איבער אייראָפּא), זיינען א זיכערער סימן פון איהר אונמעגליכקייט.“

וויא ווייט קאַרל מאַרקס האָט רעכט געהאַט, ווען ער האָט אין 1853 יאָהר פאָראויסגעזעהען, דאָס דיא רוסישע אימפּעריע וועט בעזיעגט ווערן פון ציוויליזאציאָן און פאָרטשריט, פון דיא מאַסען, און דאָס וועסט־אייראָפּאַ האָט גאָר ניט צו פירכטען פאַר דיא פינסטערע אַרמעען פון דיא צאַרען — דאָס זעהען מיר יעצט פאַקטיש. דער שיינבאַר מעכטיגער ריעז איז צוקלאַפּט געוואָרען פון אַ קאַרליק אין ווייטען מזרח, און „דיא עקספּלאָדירענדע קראַפט פון אידעען“ האָט אזוי צוטרייסעלט דעם בלוטיגען טהראָן פון דיא ראָמאַנאָווס, אַז אַ קאָנסטיטוציאָן אין רוסלאַנד איז געוואָרען אַ זיכערהייט און אַ רעפּובליק אַ מעגליכקייט.

און גראַדע דער זעלטענער זשעניע, וועלכער האָט אַזוי טיעף און ווייט געקענט אַריינקוקען אין דער צוקונפט, האָט מעהר פון אַלעמען געווירקט, אַז דיא צאַרען־רעגיערונג, וועלכע איז אין זיין צייט געווען דער פעסטעסטער זייל פון רעאקציאָן, זאָל ניעדערגעוואָרפען ווערען פון דער רעוואָלוציאָן, פאַר וועלכע ער האָט זיין גאַנצען לעבען אזוי אָפּפערוויליג און קרעפטיג געקעמפּפט. מיט זיין „קאָמוניסטישען מאַניפעסט“, מיט זיין קריעגס־געשריי : „פּראָלעטאַריער אַלער לענדער פעראייניגט אייך!“ האָט ער טיעף אונטערגעגראָבען דיא צאַרען־הערשאַפט און שליסליך דערלאַנגט איהר נאָך פירכטערליכערע קלעפּ, ווי איאַמאַ מיט זיינע אַרמעען און טאָגאָ מיט זיין פלאָטע. אָהן דיא מוטהיגע אַטאַקעס פון רוסישען פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז אָרגאַניזירט און ענטוויקעלט געוואָרען פון זיינע שילער — און אַלע רעוואָלוציאָנערע קרעפטע אין רוסלאַנד, וויא זיי זאָלען זיך ניט רופען, זיינען דאָך זיינע שילער — וואָלט צאַרען־טיראַניי זיך געהאַלטען יעצט, נאָך איהר מפּלה אין דער מלחמה מיט יאַפּאַן, אַזוי וויא אין מיטען פון לעצטען יאָהרהונדערט נאָך דער מפּלה אין דער מלחמה מיט ענגלאַנד, פראַנקרייך און טירקיי.

יא, קאַרל מאַרקס׳עס נבואה וועגען דעם „רוסישען ריעז“ איז מקוים געוואָרען.

פּ. קראַנץ.

הענריך א׳בסען*)

דער גרויסער נאָרוועגישער דיכטער און דראַמע־שרייבער איז געבאָרען געוואָרען אין 1828 אין׳ם קליינעם שטעדטעל סקיען. צו יענער צייט איז דיא פאַמיליע געווען גוט אין מעמד און האָט זיך געהאַלטען פאַר אַן אריסטאָקראַטישע. שפּעטער אַ ביסעל איז דעם פאַטער איבסענ׳ס, אַ האָלץ־הענדלער, אוועק מיט דער פּוטער אראָב, און מען האָט דערפיהלט דעם ביטערען טעם פון נויט און דחקות. העניריך, נאָך כמעט אַ קינד, האָט געמוזט אוועק אין דער פרעמד צו פערדיענען זיך אויפ׳ן לעבען. ער איז אָנגעקומען אין אַן אַפּטייק אין אַ דערבייאיגען שטעדטעל, גרימסטאַם, אויך אַזוי גרויס וויא אַ געניץ, און פון דער צייט הויבט זיך אָן זיין שווערער קאַמפּף פאַר אַ ווינקעל אויף דער ערד און דער אַ סך שווערערער און לייננגערער קאַמפּף פאַר זיין אונקאָמפּראָמיסליכען אידעאַל — אינדיווידועלע פריייהייט.

דיא אומשטענדען ביי דיא ערשטע זעלבסטשטענדיגע טריט, וואָס אַ מענש מאַכט אין לעבען, האָבען בכלל אַן ענטשיעדענעם איינפלוס אי אויף זיין כאַראַקטער, אי אויף זיינע וועלטאַנשויאונגען. און דאָס איז אויך געווען דער פאַל מיט איבסען׳ן.

ער איז אריינגעפאַלען אין אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַלע מיאוס׳ע כאַראַקטער־שטריכען פון קליין־שטעדטעלדיגען בירגערטהום: פּוסטע גאוה, טרוסעוואַטע צבועצ׳כטווע, געמיינע רכילות און דער עיקר דיא נייגונג צו אַ דעספּאָטישער אונטערדריקונג פון פרייען, זעלבסטשטענדיגען דיינקען און האַנדלען; ווער רעדט שוין, ווען דער אפּיקורס איז אַ פרעמד אינגעל אין אויסגעקרימטע שיך אין אַן אָבגעריבענעם קאַשקעטעל אויפ׳ן קלוגען, שטאָלצען קאָפּ.

בויגען זיך פאַר אימיצענ׳ס מאַכט אָדער אימיצענ׳ס מיינונג האָט איבסען בטבע נישט געקענט: מיט דעם מין עקשנות איז ער שוין אַ פּנים געקומען אויף דער וועלט. אַ פשיטא אין דיא הייסע, קאַמפּף־לוסטיגע, אידעאַליסטיש־געפאַרבטע יוגענד־יאָהרען. און אַ ביטערע מלחמה האָט גיך אויסגעבראָכען צווישען איהם און דער קליינקעפּעלדיגער געזעלשאַפט. פון איין זייט איז דיא מלחמה געווען בעגלייט מיט נידריגע פערפאָלגונגען, וואָס זיינען געווען אָהן אַ ברעג שמערצליך פאַר דיא פּאָעטישע, עמפּפינדליכע נשמה פון יונגען קעמפּפער, און פון דער אַנדערער זייט — מיט אָפענע היציגע אנגרייפונגען און — פיעלייכט שטילע טרערען.

אָט דיא ערפאַהרונג האָט איין מאָל פאַר אַלע מאָל בעשטימט איבסענ׳ס שטעלונג צו דער געזעלשאַפט, דורכאויס אַ פיינדליכע; און וואָס עלטער ער איז געוואָרען, איז דיא דאָזיגע פיינדשאַפט אַלץ מעהר געוואַקסען, אַלץ מעהר שטאַרקער געוואָרען. בלתי ספק האָבען אין דער פיינדשאַפט אויך געשפּיעלט אַ געוויסע ראָליע דיא איינדריקע פון דיא צאַרטע קינדער־יאָהרען, וואָס האָבען איבערהויפּט נישט וועניג צו זאָגען אין ווייטערדיגען לעבען פון מענשען. אין סקיען, אַזוי וויא אין דאָס רוב „ציוויליזירטע“ פּונקטען, איז געווען אַ געפענגניס, אַ שאַנד־קלאָץ און אַ משוגעים־הויז. און אָט דיא דריי אכזריות׳דיגע מיטלען, וואָס דיא געזעלשאַפט נוצט אויס בנוגע דעם איינצעלנעם אום צו פערזיכערען זיך אַ רוהיגע עקזיסטענץ, האָבען זיך טיעף איינגעפרעסט ביים קינד אין מח. און אַ פונדאַמענט איז דאָס געוואָרען, אויף וועלכען איבסען — דער מאַן האָט שפּעטער אויסגעבויט זיין מעכטיגען פּראָטעסט געגען דיא טיראַניי פון כלל, פון דער „פערפלוכטער“ מאַיאָריטעט.

אַן אידעאַליסט, אַ בעל־חלומות, אַ מענש פון אַנאַנדער וועלט, און דערצו מיט אַ הייסען רעוואָלוציאָנערען גייסט, וואָס האָט תמיד געזידט וויא אַ קעסעל, איז ער געווען מאָראַליש אמת שטאַרק, אַ סך שטאַרקער פון דיא געגנערוויל זיין וועלט. דיא וועלט פון ערנסטען געדאַנק און פון שיינע ליכטיגע חלומות, איז געווען אַ פעסטונג, וואָס דער שונא האָט זיא, פערשטעהט זיך, נישט געקענט איינעהמען. און נישט ווילענדיג האָט איבסען געדאַרפט קומען צום שלום, אַז „דער שטאַרקסטער מענש איז דער, וואָס בלייבט שטעהען איינער אליין.“ דער דאָזיגער געדאַנק, וויא בעקאַנט, איז געוואָרען דער גרונד־מאָטיוו פון דיא בעסטע ווערק זיינע. דיא בעליעבטסטע העלדען — גלת בראַנד, דר. שטאָקמאָן, נאָראַ — צושלאָגען פון דער געזעלשאַפט, מיט וועלכער זיי פיהרען מלחמה, זיינען אָבער בשום אופן נישט בעזיעגט. אדרבא, ווען זיי געהען אוועק פון שלאַכטפעלד און בלייבען איינע אליין אויף דער וויספּע, ווערען זיי ערשט אמת׳ע פעלזען, וואָס קיין בייזער שטורם קאָן זיי נישט ביישטעהען. און וויא באַלד, אַז דעם

*) זעה בילד זייטע 2.

גייסט פון פּראָטעסט, דאָס בעסטע, דאָס איידעלסטע אין מענשען, איז דיא אָרגאַניזירטע מאַכט פון דער געזעלשאַפט נישט אימשטאַנד צו בעזיעגען, איז דאָך דיא ראיה דערפון, אז אָט מיט דעם גייסט איז גאָר נישט נויטיג איינצוגעהען אויף פשרות.

דער רעוואָלוציאָנערער שטורם פון 1848, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגען איבער אייראָפּאַ און אומעטום געשטירצט דיא אַלטע צופוילטע זיילען פון אַ פּאָליטישער אָרדנונג געבויט אויף דעספּאָטיזמוס, איז געווען וויא געוואונשען פאַר איבסען'ס דאַמאַלסדיגע שטימונג. אין דעם גרויסען שטורם האָט דער טרוימער געזעהען דעם גיכען סוף פון טיראַנניי נישט נאָר אין פּאָליטישען לעבען פון דיא פעלקער, אויך אין דעם געזעלשאַפטליכען. און דער געדאַנק האָט נאָך מעהר פייער צוגעגעבען דעם קאַמפּף, וואָס איבסען האָט אויפגענומען פאַר זיין אידעאַל.

מיט'ן וועג פון דער איינפאַכסטער לאָגיק האָט איבסען אין דער צייט אויך געדאַרפט צוקומען צו דער אָרגאַניזירטער טיראַנניי פון שטאַט, וואָס דריקט דעם איינצעלנעם אי שווערער אי ברוטאַלער איידער אפילו דיא געזעלשאַפט. דיא בלוטיגע אייראָפּעאישע רעוואָלוציאָן און דער עיקר דער אונגאַרישער אויפשטאַנד, האָבען איהם געזאָלט בעווייזען, אז דער בורזשואַזנער שטאַט איז דער קבר פון פרייהייט, און אז אין נאָמען פון פרייהייט מוז ער דאַרום בעקעמפפען ווערען נישט וועניגער וויא דיא געזעלשאַפט.

אזוי איז דאָס ביי איבסען'ן ענטוויקעלט געוואָרען נאָך אין דיא יוגענד־יאָהרען זיין קלאָרע, פעסטע וועלטאַנשויאונג, אַנאַרכיסטיש אין איהר אויסדרוק, פריש און אָריגינעל אין איהר מאָראַלישער בעגרינדונג.

און וואָס איז דער חדוש, אז זיין ערשטעס בעדייטענדעס ווערק, דאָס דראַמאַ „קאַטילינאַ“ איז געווען פון דעם אַלטען רוימישען רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט אָרגאַניזירט אַ בעוואָפענטען אויפשטאַנד געגען דיא געזעצליכע רעגיערונג. מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, אז איבסען האָט זיין העלד אידעאַליזירט איבער דער מאָס, און זיין קאַטילינאַ איז טאַקי נישט דער, וויא ער ווערט געמאָלט פון דיא רוימישע היסטאָריקער. פאַר'ן דיקטער איז געווען גענוג, אז קאַטילינאַ זאָל רעוואָלטירען געגען דיא געזעלשאַפט, און ער איז איהם גרייט מוחל צו זיין אַ פולע עברות זיינע. דאָס, וואָס זיין העלד פיהרט נישט אויס דעם צוועק, פאַר וועלכען ער שטרייט, ערקלערט ער זיך מיט דער קליינליכקייט פון יענעם'ס אנהענגער. זיי האָבען איינפאַך נישט געקאַנט בעגרייפען דעם הויכען אידעאַל פון פיהרער און אין דעם קאַמפּף געזוכט צו געווינען פאַר זיך פּערזענליכע נוצען.

דאָס דראַמאַ איז נישט אָנגענומען געוואָרען נישט צום שפּיעלען און נישט אפילו צום דרוקען. שפּעטער האָט דאָס אָבגעדרוקט אויף זיין חשבון איבסען'ס אַ גוטער פריינד. אָבער מעהר וויא דרייסיג שטיק האָט מען נישט פערקויפט; דיא איבערגעבליעבענע עקזעמפּלאַרען זיינען אוועק אויפ'ן וואָג צו אַ קרעמער, און דער דיכטער מיט זיין גוטען פריינד האָבען געהאַט אַ פּאָר טעג פון וואַנען צו לעבען.

אין 1850 האָט זיך געענדיגט איבסען'ס גלות אין גרימסטאַם. מיט אַ פּאַק ליעדער און נאָך אַ גרעסערען פּאַק האָפנונגען איז ער געקומען אין דיא הויפּשטאָדט קריסטיאַניאַ, וואו ער האָט זיך אָבגעגעבען אין גאַנצען צו ליטעראַטור. אָבער דיא אַנדערהאַלבען יאָהר, וואָס ער האָט דאָ פערבראַכט, זיינען געווען דיא שווערסטע פיעלייכט אין זיין לעבען. ער האָט נישט אויסגענומען — נישט ביי דיא „טיעפזיניגע“ קריטיקער און נישט ביי דעם „לייכטזיניגען“ פּובליקום, און הונגערן איז ביי איהם געווען אַ גאַנץ וואָכעדיגער מאכל. ענדליך האָט איהם דאָס נאַציאָנאַל טהעאַטער אין בערגען געגעבען דיא שטעלע פון „טהעאַטער־דיכטער,“ און דערמיט באַקומט ער דיא געלעגענהייט אי צו עסען יעדען טאָג, אי צו ענטוויקלען זיין דראַמאַטישען טאַלאַנט.

דיא פעהיגקייט צו שרייבען פאַר דער ביהנע, אזוי גוט וויא אַלע אַנדערע גייסטיגע פעהיגקייטען, קאַן דורכ'ן שטענדיגען געברויך זיך ענטוויקלען צו דער העכסטער מדרגה, און קאַן אויך גאָר אין אַלעמען אָבשטאַרבען דורך נישט אויסאיבען. דער הויפּט איז דאָס ריכטיג בנוגע דיא טעכניק פון דראַמאַטישע ווערק, און דיא איינציגע שולע, וואו דיא טעכניק קאַן זיך אויסאַרבייטען, איז דיא ביהנע גופא. איבסען איז אָבגעווען צעהן יאָהר נאָכאַנאַנד אַלס טהעאַטער־רעזשיסאָר פריהער אין בערגען, דערנאָך אין קריסטיאַניאַ, און פאַר דער צייט האָט ער אויפגעפיהרט אַן ערך אַ הונדערט שטיקער — פרעמדע און אייגענע. אָט פון דער זעלטען־גינסטיגער געלעגענהייט האָט זיך דאָס גענומען זיין וואונדערבאַרע טעכניק, וואָס האָט כמעט נישט איהר גלייכען אין דער גאַנצער דראַמאַטישער ליטעראַטור.

אין דיא 50-גער יאָהרען האָט אויפגעבליהט אין נאָרוועגען דיא נאַציאָנאַלע קונסט, וועלכע האָט זיך ביסלעכווייז אָבגעטרייסעלט פון אויסלענדישען — דער עיקר דענישען — איינפלוס. מען האָט געפאָדערט אַ נאַציאָנאַלע מאַלעריי, נאַציאָנאַלע מוזיק, אַ נאַציאָנאַלע ביהנע.

וויא וועניג נאציאנאליסטיש איבסען איז נישט געוועו, איז ער פון דעסטוועגען אויף הינגעריסען געווארען פון דער אלגעמיינער בעוועגונג. דעם אינהאלט פאר זיינע דראמאטישע ווערק האט ער גענומען שעפען אין דער פאלקס־לארע און דיא נארוועגישע זאגען (לעגענדען פון דיא אלטע צייטען). אייניגע ווערק זיינע פון דעם פעריאד (1856—1864) געהערען צו דיא בעסטע, וואס ער האט געשאפען, אבער מיט א צוויי־דריי אויסנאהמען האבען זיי איהם א חוץ יסורים גאר נישט געגעבען. פאר איין ווערק איבערהויפט („דיא קאמעדיע פון ליעבע“) האט איהם דיא צניעות׳דיגע געזעלשאפט שיער נישט פערשטיינערט. ערשטענס, בריינגט ער דא ארויף אויף דער ביהנע א גלח און מאכט פון איהם חוזק (ביז אהער האט דאס קיין דראמאשרייבער נישט געוואגט צו טהון). און צווייטענס פערזוכט ער צו בעווייזען, אז וויא נאר ליעבע ווערט אפיציעל פערקניפט דורך א קנס־מאל און א חתונה מיט׳ן גאנצען בורזשואזען צערעמאניאל, פערליערט זיא איהר טעם, איהרע פליעגלען, איהר פאעטישע פרישקייט. דיא מאראל־בעשיצער האבען תיכף ענטדעקט אין דער קאמעדיע א פערמאסקירטען אנגריף אויף דאס פאמיליען־לעבען און גענומען ליארעמען: דיא היילינגע מאראל איז אין געפאהר!

דיא קריטיקער האבען דאס שטיק גאר ארייגעלעגט אין דר׳ערד. איינער האט דאס אנגערופען: נארוועגישע שונד־שבשונד, און אויף איבסענ׳ן גופא גע׳פסק׳ענט, אז אלס דראמא שרייבער האט ער נישט דיא קלענסטע ווערדע. . . .

און צו דיא אלע צרות האט אין 1862 באנקראטירט דאס נאציאנאלע טהעאטער, וואו איבסען איז געווען דירעקטאר, און ער איז געבליעבען אהן לעבענס־מיטלען און ביז׳ן האלז אין חובות.

דאס יאהר 1864 האט געהאט פאר׳ן דיכמער אן ענטשיידענע בעדייטונג. אין דעם יאהר האבען דיא דייטשען אנגעכאפט דענעמארק פאר׳ן גארגעל און דאס געוואלט דערווערגען און איינשלינגען. אין נארוועגען האט זיך געקערט וועלטען; מאסמיטינגען, הייסע ארטיקלען אין דיא צייטונגען. נאך אלעמען האט מען דאך דא אזא צייט זיך גענעהרט מיט דער דענישער קולטור. אבער דיא פראקטישע אויסרעכנונגען, דיא טרוסעוואטע צבועציש׳סטווע האבען דערשטיקט דיא ברידערליכע סימפאטיען, און מען האט נישט איינגעטהון א פינגער אין קאלט וואסער צו העלפען דעם אונגליקליכען לאנד.

איבסען האט געברענט מיט שאנדע פאר׳ן געמיינעם פערראטה פון זיין פאלק. און עקעל האט איהם פערכאפט, א טיעפע ענטריסטונג. און אנטלויפען האט זיך איהם פערוואלט פון די „צוויי מיליאן הינט“, וויא ער האט אנגערופען זיינע לאנדסלייט אין א מינוט פון צארן. עס האט זיך איהם פערוואלט א קוק טהון אויף זיין פאטערלאנד פון דער ווייטענס, פון דער זייט; טאמער וועט ער פארט דערזעהען א פאר צוזייטע פונקען פון דעם גרויסען פייער, וואס האט געפלאקערט אזוי שטארק אין זיין אייגענעם גייסט. און ער האט בעשלאסען אוועקצופאהרען אין דער פרעמד, וואס גיכער, וואס ווייטער.

נאך לאנגע לויפענעס פון איין בעאמטען צום צווייטען האט איבסען ענדליך בעקומען פון דער רעגיערונג א קליינע יעהרליכע סומע אויף וועג־הוצאות, און אין אפריל 1864 האט ער זיך געשיידט מיט נארוועגען אויף צעהנדליגע יאהר. פון דער צייט הויבט זיך אן דער וויכטיגסטער פעריאד פון זיין ליטערארישער טהעטיגקייט, וואס האט איהם געמאכט בעריהמט אויף דער גאנצער וועלט.

2.

אין דער ווייכער קרעפטיגער לופט פון דיא טיראל־בערג, אונטער׳ן בלויען הימעל פון דרום־אייראפא, האט איבסען ביסלעכוויז געפונען דעם לאנג געגארטען נחת רוח. דיא ארומיגע רייכע נאטור האט איהם ארויפגעבראכט אויפ׳ן זינען דיא בילדער פון זיין ווייטער היימאט, קאלטער און ארימער, און דער צארן איז ביסלעכוויים צובראכען געווארען וויא עס ברעכט זיך אייז אויפ׳ן טייך פון דיא ווארימע פריהלינגס־ווינטען. מיט א פרישען רוהיגען מוטה האט ער זיך גענומען צו דער ארבייט, און דיא ווערק, וואס ער האט געשאפען אין דער נייער אטמאספערע, זיינען נאך קיין מאל נישט געווען אזוי הארמאניש דורכגעוועבט און דורכגעפלאכטען מיט זיין אונקאמפראמיסליכען אידעאל, מיט דער שטרענגער מאראלישער פארדערונג, איין מאל פאר אלע מאל געשטעלט דער בורזשואזנער געזעלשאפט.

„בראנד,“ א דראמאטיש פאעמא, איז געווען דאס ערשטע גרויסע ווערק, וואס ער האט געשיקט פון דער פרעמד קיין נארוועגען. דאס איז דיא געשיכטע פון א גלח מיט א שטארקען רעוואלוציאנערען גייסט, וואס וויל קיין שום פשרות נישט מאכען מיט דער ווירקליכקייט און געהט איבערבויען דיא וועלט אויף זיין אייגענעם פעסטען מאראלישען פרינציפ. „אלץ אדער גאר נישט,“ איז בראנד׳ס מאטטא. אויף א קורצע צייט געלינגט איהם דורכצופיהרען זיין פרינציפ אין דער קליינער דארפישער קהלה, וואו ער איז גייסטליכער. ער פיהרט אוועק זיינע

אנהייננגער אויף א הויכען בארג, וואָס איז, נאָך זיין געפיהל, דער איינציגער פאַסענדער פלאַץ פאַר אַ טעמפעל צו זיין ליעבען נאָמען. אָבער דיא שרעקליכע קעלט אין דיא בערג ניכטערט אוים בראַנד'ס נאָכפאָלגער, און זיי פערוואַרפען איהם מיט שטיינער. אפילו דיא נאַטור גופא איז אויך ארוים אויפ'ן נביא. עס טראָגט זיך אן אַ שנעע־שטורם, און דער אידעאַליסט ווערט פערשאָטען אויף טויט.

אין נאָרוועגען איז „בראַנד“ אויפגענומען געוואָרען מיט בעגייסטערונג. דיא „צוויי מיליאָן הינט“ האָבען מן הסתם שוין פערגעסען ביי דער צייט זייערע סכסוכים מיט'ן דיכטער. דערצו האָט מען ענטדעקט אין דעם פּאָעמא אַ טיעפע רעליגיעזע שטימונג (קריטיקער האָבען אָבגעטהון מיט איבסענ'ן אַ סך ערגערע שפּיצלעך), און דאָס ווערק איז געוואָרען זעהר פּאָפּולער. פאַר איבסענ'ן האָט דאָס געהאַט דיא בעדייטונג, וואָס עס האָט זיך פערבעסערט זיין פינאַנציעלע לאַגע, און שוין אָהן שום דאַגות פאַר'ן שטיקעל ברויט האָט ער זיך געקענט אָבגעבען צו דער ארבייט.

אין אַ יאָהר אַרום (1867) איז געווען פאַרטיג צום דרוק נאָך איין דראַמאַטישע פּאָעמא „פּער גינט“, וואָס האָט אוועקגעשטעלט איבסענ'ן אין דער רייהע פון דיא גרעסטע וועלט־דיכטער. אין דער ליטעראַטור פערנעהמט דיא פּאָעמא דעם זעלביגען פּלאַץ, למשל, וואָס געהטע'ס „פאַוסט“ אָדער סערוואַנטעס'עס „דאָן קיכאָט“.

„פּער גינט“, אַזוי וויא „פאַוסט“, איז דיא געשיכטע פון דער בלאָנדזשענדיגער מענשליכער נשמה. דיא צרה מיטן העלד איז דיא, וואָס ער געהט קיין מאָהל ניט צו זיין ציעל מיט דעם גלייכען וועג, און אַלץ, וואָס ער טהוט, איז נאָר האַלב געטאָהן. בקיצור, דאָס איז דער קאָמפּראָמיסלער „פּיור ענד סימפּל“, דער סאַמע היפּך פון גלח בראַנד. איבערהויפּט זיינען ביידע פּאָעמעס איינג פערבונדען צווישען זיך: בראַנד איז דער הויכער אידעאַל, פּער גינט — דיא קלעגליכע, אַרמזעליגע ווירקליכקייט. בראַנד — דאָס נאָרוועגישע פאָלק, וויא איבסען וואָלט דאָס וועלען אַמאָהל זעהן; פּער גינט — דאָס זעלביגע פאָלק, וויא דער דיכטער זעהט דאָס יעצט: עגאָאיסטיש, כאַראַקטערלאָז, פער'פשרה'ט, מיט נאַרישעאַבערגלויבענס, מיט אַ פעראַכטונג צו צו העכערע שטרעבונגען, צו אַ מעהר פערנינפטיגען לעבען.

אונטער'ן איינדרוק פון דיא אַלט־רוימישע חורבות, וואָס איבסען האָט בעזוכט אין איטאַליען, איז איהם אריין דער געדאַנק פאָרצושטעלען דעם קאַמפּף פון דיא ערשטע קריסטען מיט'ן היידענטהום. אין דעם דאָזיגען קאַמפּף, וואו אַ הייפעלע אידעאַליסטען האָט ארויסגעוויעזען אַזוי פיעל מסירת נפש, אַזאַ טיעפע, שטאַרקע בעגייסטערונג פאַר זייער נייעם גלויבען, האָט איבסען, פערשטעהט זיך, געזעהען אַ רעכטפערטיגונג פאַר זיין אייגענע אונקאָמפּראָמיסליכע שטעלונג צום אידעאַל און פאַר זיין אייגענעם קאַמפּף אין נאָמען פון דעם אידעאַל. ער האָט זיך געזעצט שרייבען אַ דאָפּעלטע דראַמאַ אונטער'ן נאָמען „קייזער און גאַלילייער“ (ביידע צו פינף אַקטען), אָבער ער האָט דאָס געמוזט ביז אַ צייט פערוואַרפען. אוועקגעהן אין אַ פרעמדע אָבגעשטאָרבענע וועלט, ווען עס האָט זיך נאָך נישט אויסגעלאָשען אין איהם דער צאָרן געגען דיא לאַנדסלייט, מיט וועלכע ער האָט וואָס גיכער געמוזט קוויטירען דיא חשבונות, דאָס איז געווען פאַר איהם אונמעגליך. און דאָס דראַמאַ, וואָס ער האָט אָנגעפאַנגען אין 1864, איז פערטיג געוואָרען נאָר אין ניין יאָהר אַרום.

אין 1869 קומט „דער פערבאַנד פון יוגענד“, דאָס ערשטע דראַמאַ איבסען'ס, וואָס איז געווידמעט דעם מאָדערנעם אַלטעגליכען לעבען. עס ווערט דאָ אָבגעמאָלט אַ געוויסענלאָזער און פּרינציפּענלאָזער דעמאַגאָג, וועלכער ווערט אַ פיהרער פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי און דער אָבגאָט פון דער היציגער יוגענד. דיא ערשטע אויפפיהרונג פון דעם שטיק אויף דער ביהנע איז בעגלייט געוואָרען מיט אַזאַ שטורם פון פּראָטעסטען, אַז מען האָט דאָס קוים געקענט ענדיגען שפּיעלען. דיא מעשה איז, אַז דער פּראָגרעסיווער עלעמענט האָט זיך געפונען שטאַרק בעליידיגט דורך דיא טונקעלע פאַרבען פון הויפּט־כאַראַקטער; מען האָט דערזעהען אין דעם אַ מין פערראַטה צו דיא פּרינציפּען פון ליבעראַליזמוס. מען האָט לכתחלה גאָר פאַרגעסען, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ איבסען, וואָס וועט באַין אופן נישט פערדעקען און פערגלעטען דעם אמת, אויב ער זאָל וויסען אפילו דיא וועלט זאָל אונטערגעהען.

אָבער וואָס האָבען איהם געאַרט דיא פּראָטעסטען? זיי האָבען אייגענטליך נאָר צורייצט אין איהם דיא לוסט צום קאַמפּף פון ליבעראַליזמוס. מען האָט לכתחילה גאָר פערגעסען. אַה, עס געפעהלט זיי נישט דיא קריטיק פון זייער פּאָליטישער מאָראַל. גוט, וועל איך זיי יעצט בעווייזען, וויא עס ווייזט אויס זייער געזעלשאַפטליכע מאָראַל און דער עיקר זייער פאַמיליען־מאָראַל, וואָס זיי האַצקען זיך אַזוי מיט איהר.

און איינס נאָך דעם אַנדערן זיינען געקומען „דיא זיילען פון געזעלשאַפט“, דאָס „ליאַלקעהויז אָדער נאָראַ“, „דיא גייסטער“, דער־

„פאָלקס־פיינד“, „דאָס ווילדע ענטעל“, „ראָזמערסהאָלם.“

אין „דיא זיילען פון געזעלשאַפט“ האָבען מיר אַ חשוב׳ען בכבוד׳יגען בעל־הבית פון שטאָדט, קאָנסול בערניק, וואָס דיענט פאַר אַ מוסטער פון עהרליכקייט אי אַלס מענש, אי אַלס סוחר. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז אַ צבועק, אַ גאָטס־גנב און איינפאַך אַ פערברעכער.

פערשטעהט זיך, אַז דיא געזעלשאַפט האָט זיך אָבגעטרייסעלט פון מחותן׳עשאַפט מיט בערניק׳ען. אמת, אַ שטיקעל צבועק איז יעדערער, מען איז דאָך נישט מעהר וויא אַ מענש. אָבער פערברעכער? זיינען מיר דען אַלע פערברעכער אַ לאַ בערניק?

און איבסען איז אַרויס מיט זיין „נאָראַ“ (1879). דער אַדוואָקאַט העלמער, נאָראַ׳ס מאַן, איז שוין גאָר אַ פיינער מענש: איידעל, עהרליך, טריי צו זיין וואָרט, גאַסטפריינדליך. און דאָך, ס׳אַרא ברוטאַלער עגאָאיסט אָהן שום געפיהל עס ליעגט דאָס אונטער דער אויבערשטער זיידענער מאַסקע! זיין פרוי מוז לעבען נאָר פאַר איהם, טראַכטען נאָר פון איהם, פיהלען אַזוי וויא ער, זיא איז נישט מעהר וויא אַ ליאַלקע; ער האַלט זיא אויס מיט אַל׳דעם נויטיגען, און דאַרום איז ער דער איינציגער בעל־הבית איבער איהר לייב, איהר האַרץ, איהר מח. דאָס איז דאָך דיא פאַמיליען מאָראַל פון דער געזעלשאַפט. ער איז נישט אַן אויסנאַהם. און דערפאַר, ווען דיא פרוי זאָגט איהם, אַז זיא געהט פון איהם אוועק, גלויבט ער נישט זיינע אויערן.

„פריהער פאַר אַלעמען, זאָגט ער צו איהר, ביסטו פרוי און מוטער.“

„ניין, ענטפערט נאָראַ, פריהער פאַר אַלעמען בין איך מענש, מיט דיא זעלביגע רעכט אויף אַ זעלבסטשטענדיג לעבען וויא דוא.“

אין שטיק ליעגט אַ קלאָרער געדאַנק: דאָס פאַמיליען־לעבען טאָר נישט זיין קיין ליאַלקע־הויז, וואו דיא פרוי איז אַבהענגיג אָן מאַן׳ס ווילען, אונפעראַנטוואָרטליך פאַר איהרע האַנדלונגען, גייסטיג פערשקלאַפט. אַזאַ פאַמיליען־לעבען איז אונמאָראַליש, ווען דאָס איז אפילו פערקניפט געוואָרען פון צעהן רבנים אָדער גלחים.

מיט דעם „ליאַלקע־הויז“ האָט זיך איבסען געקויפט דעם נאָמען „דער פרוי׳ס דיכטער.“ און דעם נאָמען האָט ער כשר פערדיענט. דיא פרוי אין זיינע ווערק איבערהויפט איז כמעט תמיד מאָראַליש פיעל העכער פון דיא מענערשע כאַראַקטערען. און זיא איז אויך אַ קוואַל פון בעגייסטערונג פאַר׳ן מענשען, וועמען זיא גיט אָב דאָס האַרץ. אין דיא ווערק זיינע ביז נאָראַ איז דיא פרוי ביי איהם נאָר פעהיג „צו ליעבען, זיך מקריב צו זיין פאַר׳ן געליעבטען און אַלץ איהם מוחל צו זיין.“ מיט „נאָראַ׳ן“ האָט איבסען געפאָדערט פאַר דער פרוי דיא זעלביגע פרייע געלעגענהייט צו ענטוויקלען איהרע פערזענליכע פעהיגקייטען, וויא דער מאַנסביל האָט דאָס.

„נאָראַ“ האָט אַרויסגערופען נאָך אַ גרעסערען שטורם וויא „די זיילען פון געזעלשאַפט.“ שטייטש, האָבען דיא צנועות גע׳טענה׳ט, פערלאָזען אַ מאַן, אַ בעל־הבית׳ישקייט, צוויי קליינע קינדער... דער הויפט האָט מען נישט געקענט מוחל זיין נאָראַ׳ן וואָס זיא האָט אוועקגעוואָרפען דיא קינדער.

און אָט אויף דיא לעצטע טענה האָט איבסען געענטפערט מיט זיינע „גייסטער.“ שטעלט זיך פאַר, זאָגט ער, אַז נאָראַ איז געקומען צוריק צום מאַן, אויף מאָרגען טאַקי נאָך׳ן אַנטלויפען. און שטעלט זיך פאַר, אַז העלמער איז צו אַלע זיינע מעלות אויך אַ שכור און אַ הולטאַי. און איהר האָט דיא טראַגעדיע פון העלענע אַלווינג׳ס לעבען, דער העלדין פון „דיא גייסטער“. קינדער, וואָס וואַקסען אויס אין דער פערדאָרבענער לופט פון אייביגע ליגענס אָדער טראָגען נאָר דאָס בייז קערענדעל אין זייער בלוט, מוזען פערבלייבען קריפּעלס נישט צו גאָט און נישט צו לייט.

דאָס הינטיש בולען, וואָס „דיא גייסטער“ האָבען אויפגעוועקט אין דער פרעסע, איז גאָר נישט צו בעשרייבען. דיא קריטיקער האָבען דאָס שטיק אויסגערופען דיא מיאוס׳טע נעמען, וואָס מען האָט געקאָנט אַרויסקראַצען פון אַן אויפגעפלאַמטען מח. און נישט נאָר דאָס שטיק אליין, אויף דעם דיכטער און אפילו זיינע פערעהרער. עגאָאיסט, בלאָפער, משוגענער, פאַנאַטיקער, פערשלעפּטע קרענק, אידיאָט, האָמבאָג, פאַסקודניאַק. דאָס איז אויף איבסען׳ן. און דיא פערעהרער זיינען געווען — „געבילדעטע הינט, ווייבערשע מענער און מענערשע פרויען, אַ קליקע נאַראָנים, אַ כוואַליע פון מענשליכער משוגעת, א. ד. גל.

אויף אַזאַ ברוך הבא האָט זיך איבסען גאָר ניט גערעכט, און זיין ענטריסטונג, זיין אויפרעגונג האָט ער אויסגעדריקט אין דעם נעכסטען דראַמא „דער פאָלקס־פיינד.“

דר. שטאָקמאַן, דער העלד פון דראַמא, קעמפּפט פאַר׳ן ריינעם אמת, און דיא מאַיאָריטעט פון שטאָדט, וואָס דער אמת לוינט זיך נישט פאַר איהרע מאַטעריעלע אינטערעסען,

נעהמט איהם רודף'ען אלס דעם „פיינד פון פאלק.“ זיעגען זיעגט אפילו דיא מאיאריטעט, אבער דער מאראלישער נצחון פון מוטהיגען קעמפפער איז א סך בעדייטענדיגער.

נאך'ן „פאלקס־פיינד“ איז איבסען געוואָרען ביי זיך א ביסעל געפאלען. ער האט זיך א פרעג געטהאן, צו ער האט גאר דאס רעכט אוועקצורויבען דיא „גייסטער“ פון מענשען — זיינע אילוזיאנען, זיין וועלט פון חלומות? צו ער טאר איבערהויפט קומען מיט א פארטיגען אידעאל צום צווייטען און איהם ארויפצוווינגען אויפ'ן קאפ א' חוב, וואס יענער איז נישט ביכולת צו בעצאהלען? בעפרייען זיך מוז דער מענש אליין, מיט'ן אייגענעם פרייען ווילען, פון קיינעם נישט געשטויסען, נישט געצוואונגען, נישט בעאיינפלוסט. „קיין מענש, זאגט איבסען אין „בארקמאן,“ קען נישט ראטעווען זיין ברודער'ס נשמה אדער בעצאהלען זיין ברודער'ס חוב.“ און דיא העלדען זיינע — בראנד, נארא, דר. שטאקמאן — טרעטען טאקי ארויס אין קאמפף, ווען דיא „גייסטער“ האבען שוין איבער זיי קיין שום שליטה נישט.

אט דיא נייע פעסימיסטישע שטימונג זיינע, פול מיט ביטערע ספקות, מיט כמעט חרטה אויפן גאנצען קאמפף, וואס ער האט ביז אהער געפיהרט, האט ער אויסגעדריקט אין דראמא „דאס ווילדע ענטעל“.“ אין א הויז זיינען אלע איינוואהנער אין זיך פערנארט. מען האט זיך אויסגעבויט שפיעלציג, ווינדמיהלען, פאנטאסטישע חלומות, און מען איז פערהעלטניסמעסיג גליקליך. קומט צוגעהן איינער אן אידעאליסט, און אין נאמען פון זיין אידעאל, דעם ריינעם אמת, צושטערט ער דיא ווינדמיהלען, דיא שיינע חלומות. דער סוף איז, אז דיא ארימע מענשען, בערויבט מיט געוואלט פון דיא אילוזיאנען, ווייסען נישט וויא אנצופאנגען א ניי לעבען; זיי פאלען אריין אין פערצווייפלונג און געהען צו גרונד.

אבער דיא דאזיגע שטימונג האט ביי איבסען'ען לאנג נישט געקענט אנהאלטען. אין פראצעס פון שאפען, פון דיכטען, פון דענקען, איז זיא שנעל אוועק וויא א טומאן, וויא א רויך, און דאס דראמא „ראסמערסהאלם“ איז שוין אין אנקלאנג מיט דעם שרייבער'ס פריהעריגען אידעאליזמוס, מיט זיין קאמפפלוסטיגקייט, מיט זיין הוילען גלויבען אין ענדציעל.

נאך דיא סאציאלע דראמען קומט א נייע רייהע פון טהיילוויים פסיכאלאגישע און טהיילוויים סימבאלישע דראמען.

דאס זיינען: „דיא ים־פרוי,“ „העדדא גאבלער,“ „בוימייסטער סאלנעס,“ „דער קליינער עיאלף“, „בארקמאן“ און דער דריי־אקטיגער דראמאטישער עפילאג, דאס לעצטע און פיעלייכט דאס שעהנסטע פון איבסען'ס ווערק „ווען מיר, דיא טויטע, ערוואכען.“

אין דיא אלע דראמען איז איבסען — דער קינסטלער צייטענווייס שטארקער און צייטענווייס שוואכער פון איבסען'ן — דעם מאראליסט, אבער מאראליסט איז ער איבעראל. מעגליך, אז אויף זיין גאנצע ליטערארישע טהעטיגקייט האט ער געקוקט נאר וויא אויף א מיטעל צו פרעדיגען דיא נייע מאראל, דיא אבגערייניגטע פון ליגענס און היפאקריטסטווע, דיא מאראל, וואס איז אויפגעבויט אויף דריי אייביגע זיילען: אמת, פרייהייט און ליעבע. פון דעם מאראלישען אידעאל האט ער נישט אבגעטרעטען ביז'ן גרויען עלטער. דער גלחרעוואלוציאנער בראנד פון זיין גרויסען דראמאטישען פאעמא, און דער סקולפטאר רובעק פון דראמאטישען עפילאג, וואס איז געווען אנגעשריעבען אין פיער און דרייסיג יאהר ארום, טראגען אין דער נשמהביידע איין באגעהר: ארויפצושטייגען אויף דיא בערג, דארטען, הויך — הויך, פון וואנען מען קען זעהען, וויא דיא זונן געהט אויף. און מערקווירדיג: ביידע האבען דעם זעלביגען סוף, זיי קומען אום אין א שנעע־שטורם, ווען זיי זיינען שוין אויפ'ן בארג. אפשר האט דער דיכטער געמיינט דערמיט צו זאגען, אז דיא קינדער פון דער ערד קענען נאר טרוימען פון הימעל, זיך ציהען צו איהם, און דאס אליין איז שוין דאס העכסטע, וואס עס פאדערט זיך פון זיי. אבער וואגען ארויפצוקלעטערען אויפ'ן היממעל, זיך אבצוטהיילען הייסט דאס פון דער ערד, פון דיא איבעריגע ערד־קינדער, דאס טארען זיי נישט. טוען זיי דאס יא, פערליערען זיי דאס לעבען. ווייל נאך אלעמען וויא שטריינג און אונקאמפראמיסליך דער גרויסער דיכטער זאל נישט זיין צום אידעאל זיינעם, פערשטעהט ער אבער אין דער זעלביגער צייט, אז בעגרענצט איז דער ווילען פון מענשען און בעגרענצט איז זיין פעהיגקייט צו דערגרייכען דעם סאמע שפיץ בארג, וואו עס פלאטערט די שיינע, די ריינע, דיא הייליגע פאהן.

ח. אלעקסאנדראוו.

א מופת פון שפּאַלער

באל אדע

ה.

אויסגעשטערנט היינגט דער הימעל
אין דער בלויער אָסיען נאכט ;
ציטרינד שווימט זיך דיא לבנה,
וויא פער׳חלום׳ט און פערטראכט.

אויס ! א סוף איז שוין צום זומער
און דער ווינטער קומט שוין באלד,
און עס פאלען שוין דיא וועלקע
געלע בלעטער אין דעם וואלד.

טרויריג שטעהט דער וואלד דער אלטער
אין דעם בלויען קאלטען שיין,
שטיל, גערוישלאָז, וויגט דער ווינט איהם
און ער דרימעלט לאנגזאם איין.

וואו ניט וואו נאָך קרעכצט א קראנקער
פויגעל ערגעץ אויף א צווייג,
און עס ענטפערט מעלאנכאָליש
איהם דער אָסיען ווינטעל : „שווייג“!

„ביטער איז צו בלייבען עלענד
שוצלאָז אָהן א שטיקעל נעסט,
נור ניט זאָרג — גיך וועט בעפרייען
דיך דיא קעלט מיט איהרע פרעסט“...

„שא! ווער האָט דאָס הארץ צו שטערען
אונז דיא רוה אין דיזער צייט ?
הער ווי׳ס שיפען עס דיא בלעטער,
ס׳איז א רייטער דוכט זיך רייט„.

און א יעגער קומט זיך לאנגזאם,
רייט זיך איינזאם, שטיל, פערטראכט ;
וויא א זעלטזאמער געשפּענסט־בילד
שיינט דער רייטער אין דער נאכט.

מעלאנכאָליש שפּאנט דער רייטער,
טיעף געבייגט זיין גרויען קאָפּ ;
און אויף זיינע שטארקע פּלייצעס
היינגט זיין שווערער ביקס אראָפּ

נור נישט מאָרדען ציהט זיין הארץ איצט,
ניט איז בלוט איצט זיין בערלאנג, —
עפּעס פיהלט זיין הארץ א שווערקייט
און עס ציהט איהם וועה און באנג.

פּלוצלים שוידערט אויף דער יעגער,
וויא פון חלום אויפגעוואכט,
עפּעס הערט ער זינגט מיט אומעט
אין דער שטילער אָסיען נאכט.

און דער רייטער געלאָפּירט שוין
איבער בארג און איבער טהאָל ;
עפּעס לאָקט איהם, עפּעס ציהט איהם
יענער צויבערליכער קול ;

פייכטער ווערען זיינע אויגען,
און דאָס פּנים טריב און בלייך ;
שנעלער, ווילדער טראָגט דאָס פערד איהם
און עס ברייגט איהם צו א טייך.

אך וויא צויבערליך פאנטאסטיש
שיינט דיא לאנדשאפט ווייט ארום,
נור דעם יעגערס אויג איז בלינד איצט,
און דיא ליפּען זיינען שטום.

און אלץ נעהנטער קומט דאָס טרילען
און עס ציטערט זאנפט און וויך,
גלייך עס וואָלטען נימפען זינגען
אין דעם וואסער שטראָם פון טייך.

און אָט זעהט זיך אויף׳ן טייך שוין
דורך דער בלויער אָסיען נאכט
בליאסקען טויזענדע קאָליערען
און פערבלענדען אלץ מיט פּראכט.

„ס׳איז א צויבערהאפטער פויגעל
האָט פערבלאָנדזשעט זיך אהער“ —
און דער יעגער כאפּט מיט אימפּעט
זיך פאר זיינע מאָרד־געוועהר.

נור דאָ שטייגט דאָס צויבערטרעלען
און דעם יעגערס הארץ פערקלעהמט ;
שנעל זיין מאָרד־צייג ווארפט דער יעגער ;
בלייבט פאר זיך אליין פערשעהמט . . .

נישט צו מאָרדען רופט זיין הארץ איהם,
נישט צום בלוטיגען געוועהר —
בלויז דעם זינגער צו בעזיטצען
איז זיין איינציגער בעגעהר ;

בלויז נאָר פאנגען אָט דעם זינגער
איז זיין הייסעסטער פערלאנג,
נור צו הערען זיינע טענער,
זיין פאר׳כישופ׳טען געזאנג.

און דער יעגער שטעהט שוין נאקעט
פאר דעם שטראָמענדיגען טייך.
. . . .
שמייכלענד בליקט פון בלויען הימעל
דיא לבנה, מילד אוןווייך.

בלויז א ווייל נור שטעהט דער יעגער
פאר דעם ברייטען טייך און בליקט,
און פון קיהלען אָסיען ווינטעל
פריהרט דאָס נאקעט לייב און צוקט . .

ענדליך שפּרינגט דער יעגער נאקעט
אין דעם קאלטען וואסער שטראָם
בלויז א רגע רוישט דאָס וואסער
און פארגעהט זיך אין א שום.

אָט בעוויזט ער זיך פון וואסער,
אויסגעמאטערט מיעד און בלייך,
יאָגענדיג זיך נאָך דעם פויגעל
אין דעם רונצעלדיגען טייך.

נאָר דער פויגעל שווימט געלאסען
דורך דעם נאכטליך בלויען שיין,
און ער לאָקט און ציהט דעם יעגער
עט ביז שפּעט אין נאכט אריין.

ווייטער — וווימט דער פויגעל
אויף דעם רונצעלדיגען טייך . . .
. . . . .

שמייכלענד בליקט פון קלאָהרען הימעל
די לבנה, מילד און ווייך . . .

ו.

עס שלעפט זיך אריבער דער סטעשקע,
וואָס צווישען דעם טייך און דעם וואלד,
און דרייען פון קעלט איינגעבויגען
א נאקעטע מענשען געשטאלט.

א בלייכער גערונצעלטער פּנים,
פון יאוש פערפינסטערט זיין בליק
נור ענדליך ער האָט זיך דערשלעפּט קוים,
ניט ווייט פון א דאָרפישען בריק.

און אָט, זעהט ער, שטעהט זיך א שטיבעל, —
אפּנים דעם מילנער'ס פון מיהל, —
און ציטערענדיג הויבט ער אָן קלאַפּען
אין פענסטער פּאמעליך און שטיל.

און ס'הערט זיך פון שטיבעל פערשלאָפען
א שטימע וואָס בורבעלט און ברומט :
„ווער קומט אזוי שפּעט ביי דער נאכט דאָרט“?! —
און דאן ווערט די שטימע פערשטומט.

און ס'שלעפט זיך פון שטיבעל צו שטיבעל
דער נאקעטער נעבעך מיט פּיין,
און קריגט אומעטום רק דעם ענטפער
„מיר לאָזען ביי נאכט ניט אריין“. —

און אָט שוין דאָס שטיבעל דאָס לעצטע
און טאקע באלד נאָהענט דער טויר
„אך באַזשע! זאָל דאָ כאָטש ניט וואוינען
קיין שלעכטער, קיין גרויזאמער בויער! —

און ציטערענדיג הויבט ער אָן קלאַפּען
פּאמעלעך און לאנגזאם און זאכט,
און ס'הערט זיך פון שטיבעל א שטימע
„ווער איז אזוי שפּעט ביי דער נאכט?“ —

באלד הערען זיך טריט אין דעם שטיבעל,
עס זעהט זיך אין פענסטער א ליכט,
דאָס כראָפּען פון נאקעטען פרעמדען,
פערזונקען אין פריעדליכען טרוים.

ז.

עס עפענט זיך לאנגזאם די טיהר אויף
און ס'ווייזט זיך א בלייכער געזיכט.

נור באלד שפּרינגט דער פּנים מיט שרעק אָפּ
„אוי, נעבע, א בראָך איז צו מיר,
עס שטעהט א ניט גוטער אין דרויסען,
א נאקעטער ליך שטעהט אין טיהר“.

דער נאקעטער שטעהט און מיט טרעהרען
פערציילט וואָס מיט איהם האָט פּאסירט
„איך שווער אייך, דאָס איך בין קיין ליך ניט,
עס האָט נור א ליך מיר פערפיהרט.

„איך האָב זיך געיאָגט נאָך א פויגעל
וואָס האָט זיך געשיפט אויף דעם טייך,
דער פויגעל געווען אין א כישוף
ניט שרעקט זיך דאָך — גאָט איז מיט אייך“.
. . . . .

ס'איז שטיל אין דעם קליינציגען שטיבעל,
און ס'הערט אין דער שטילקייט זיך קוים
גאנץ פריה, ווען די זונן האָט געשטיגען,
געזעהן האָט זיא מונטער און פריש,
וויא ס'זיצען אין אָרעמען שטיבעל
דריי מענשען ביי'ן קליינינקען טיש.

עס שטעהן ניט פאר זיי קיין פּעטראָוועס,
קיין טייערער, גוטער געטראנק,
דאָך זיצען זיי שטיל און צופריעדען
און עסען מיט פרייד און מיט דאנק ;

זיי עסען און טרינקען דאָס בעסטע,
וואָס זיי קען פערגינען די נויט —
א קריגעל מיט שווארצע ציקאָריע
'ן א לעבעלע קאָרענע ברויט . . .

עס קוקט דורכ'ן פענסטער די זונן זיך
און שמייכעלט צופריעדען און שווינט,
וויא גיך עס בעקענען זיך פרעמדע,
וויא שנעל ס'ווערען הערצער בעפריינד.

און ס'בייט זיך א הארץ מיט א הארצען,
און ס'צאָהלט זיך א זיפץ פאר א טרעהר,
און גרויס ווערען מענשליכע זעעלען
און טיעף, וויא דער רוישענדער מעער.

און ס'רעדט וויא א צערטליכער ברודער
דער אָרעמער פרעמדער, דער גאסט :
„אוי וועה, וויא דיין שטיבעל איז אָרעם,
דיין מעבעל וויא אלט און וויא פּראָסט“ —

—„נו וואָס זאָל מען טאָהן, ענטפערט יענער,
אז איך בין א ווייסטער לאטניק,
פון לאטענען פּויערשע פּעלצלעך —
וואָס קען אין דעם שטעקען דער גליק ?

ס'איז ביטער דעם דאָרפּס איד, וואָס קלעהרסטו—
און שווער איז דעם אָרעמענס יאָך
מען דאגה'ט, מען זאָרגט און מען הונגערט,
ס'א לעבען אז וועה און אז אָך ! “ —

און ס'ציטערט דער קול פון ערציילער,
און פייכט ווערט פון טרעהרען זיין בליק —
. . . . .
ער שמייכעלט דער פרעמדער, און פּלאַנט שוין
זיין ברודער'ס בעלוינונג און גליק . . .

„הער אויס, ברודער, —
זאָגט דער גאסט, —
איך וויל רעדען
איינפאך, פּראָסט.

זאָג מיר ערענסט,
טראכט ניט לאנג,
וואָס א שטייגער
ז'דיין פערלאנג ?

זאָג ארויס און
קריגסט עס גלייך,
דען איך קען דיר
מאכען רייך.

האָסט געהאָלפען
מיר אין נויט
מיט א בעטעל
און מיט ברויט,

ביזט א גוטער
בראווער מאן —
. . . . .
איך בין „שוליאַק“
קענסט דעם „פּאַן“? —

ס'פּנים בלייך ווי מיט אגוסס'עס פארב בעצויגען
מיט פערגלייזטע ווילדע אויגען.
קוקט דעם אָרעמאַן
אויף דעם „פּאַן“.

„אך, דאָס איז נור בלויז א טרוים“ —
דיא ליפּען בלאַס
ציטרען, מורמלען, שעפּטשען קוים
„עס איז א שפּאַס
אך ס׳איז א שפּאַס“! —

ער שטעהט א גערירהרטער, דער פּריץ,
און קוקט אויף דעם אָרעמען מאַן
ער מונטערט און רעדט צו איהם פריינדליך,
פארציילט איהם פון גליקליכען פּלאַן.

איך מאַך ניט קיין שפּאַס, בערקע — ברודער,
איך שווער דיר... אָט האָסטו מיין האנד —
. . . .
וואָס ווילסטו? ארענד אויף אימער
צו גאָר אפשר צעהן מאָרגעם לאַנד?“ —

און ר׳רעדט אלץ דער פּאַן און פערזיכערט,
און ס׳קלינגט איהם זיין קול אזוי מילד...
נור בערקע — ער שטעהט וויא פערגליווערט
און קוקט אזוי מורא׳דיג ווילד . . .
. . . .
. . . .
. . . .
. . . .

און ענדליך דערהערט זיך זיין שטימע,
נור אימער נאָך שרעקעדיג שטיל :
„אוי, פּריץ, ניט האָב קיין פאראיבעל,
דו גיבסט מיר — דו שיינקסט מיר צופיעל.

ארענדע צו לאַנד, פּריץ - לעבען,
איז טאקע א היבשער נדן,
פאר מיר איז דאָס אָבער קיין חשבון,
אָ! זיי ניט אין כעס אויף מיר, פּאַן!

היינט זאָג מיר, וואָס טהו איך מיט פעלדער?
איז ערד ארבייט אידישער כח?

היינט סתם אַן ארענדע איז אויך ניט
פאר מיר, פאר מיין ניירישען מח . . .

אָט איך וואָלט וואָס אנדערש דיר בעטען,
ס׳וואָלט פּשוט פאר מיר זיין א גליק, —
ווען דו ווארפסט פון דערפעל פון צוויטען
ארויס דעם ישראל׳קע לאַטניק.

געוועזן וואָלט איך איינער אין געגענד
און ארבייט לרוב דאַן געהאַט,
איך וואָלט צו א שטיבעל דערשלאָגט זיך
און איך און מיין וויב וואָלט׳ן זיין זאַט.

א ביטערער שמייכעל בעווייזט זיך
אויף׳ן פּריץ׳ס געזיכט, און פערשעהמט
לאָזט שוליאק ארונטער דיא אויגען,
און עפּעס א וועהטאָג פערקלעהמט

זיין הארץ. און ס׳דערפיהלט זיין נשמה
זיך ביטער געקריינקט און ענטוישט.
צו איז דאָס צומאָל ניט געוועזען
א כשוף וואָס האָט מיר בערוישט,

בעצויבערט, בערוישט אויף א ווייל נור
און האָט מיר צום נאררען געמאכט?
און ס׳האָט וויא א ליץ דיא נשמה
אין איהם זיך פאנאנדער געלאכט . . .

נור פּלוצלים פלאמט אויף זיין געדאנקען
מיט אלטע דמיונות בעקאנט . . .
זכרונות . . . און ער האָט זיך עפּיס
איין אַלטע געשיכטע דערמאָנט.

און אָט זעהט ער קלאָהר אויפגעשריבען,
אין צייל׳ען אין פייריגע שטעהן
דיא הייליגע ווערטער פון „שפּאלער“ :
„נור ווארט דו ווערסט לעבען און זעהן“—

יאָנקערס, נ. י. ה. רויזענבלאט.

דער זוהן פון דער זונן

פון קנוט האַמסון.

(איבערזעצט פון א. פרומקין.)

איבער נאכט איז אראָב דער שנעע. א געדיכטער, ווייסער מאנטעל איז געלעגען איבער דער ערד.

ער האָט זיך אויפגעכאפּט פון שלאָף מיט דער פרייליכער עראינערונג, אז ער האָט נעכטען ערהאלטען א בריעף, אן איבערראשענדע, דערקוויקענדע נאכריכט. ער האָט זיך געפיהלט יונג און גליקליך און גענומען זינגען אביסעל. מיט א מאָל דארף זיך גראָד מאכען, אז ער געהט צו צום פענסטער, פערשארט דעם פאָרהאנג און דערזעהט דעם שנעע. זיין געזאנג ווערט פלוצלונג אָבגעהאקט, א געפיהל פון אומעט, פון טרייסטלאָזיגקייט געהט איהם אריבער איבער דער נשמה, און זיינע אָרעמע, שטארק איינגעפאלענע שולטערן הויבען אָן צוקען.

מיט'ן ווינטער איז אָנגעקומען א בייזע צייט פאר איהם, א מאטערניש, וואָס האָט גאָר קיין גלייכען ניט, און וועלכע קיין אנדערער האָט ניט געקענט פערשטעהען. שוין דער אנבליק פון שנעע אליין האָט צו איהם גערעדט וועגען טויט, האָט איהם אריינגעשושקעט פערניכטונג אין אויער אריין. דיא לאנגע נעכט זיינען אָנגעקומען מיט זייער פינסטערניש און מיט זייער נארישען, זינלאָזען שטיל־שווייגען, ער האָט שוין ניט געקענט ארבייטען ביי זיך אין ווערק־שטאט, זיין זעעלע איז אריינגעפאלען אין ווינטער־שלאָף און איז שטום געבליעבען. איינמאָל האָט ער פערבראכט א זוממער אין א קליין שטעדטעל און ער האָט דאָרט געהאט א ליכטיג און גרויס צימער, וואו דיא אונטערשטע שויבען פון דיא פענסטער זיינען געווען אָבגעווייסט. אָט דיא אָבגעקאלכטע, ווייסע שויבען האָבען איהם דערמאָנט אָן אייז, און יעדעס מאָל וואָס ער האָט אויף זיי א קוק געטהאָן, איז אויף איהם געקומען דיא מרה־שחורה. ער האָט זיך געוואָלט צווינגען, ער האָט זיך מיט א כיוון אויפגעהאלטען עטליכע חדשים אין צימער און יעדען טאָג האָט ער זיך אליין געזוכט איינצורייִדען, אז דאָס אייז האָט אויך זיין שעהנקייט, זיין חן ביי פיעל מענשען אין דיא אויגען, אז ווינטער און זוממער זיינען ביידע אויסדריקע פון דערזעלביגער אייביגער אידעע און געהערען ביידע צו גאָט, — אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפען, זיין ארבייט האָט ער ניט געקענט אָנריהרען, און דער אומעט האָט איהם ניט אָבגעלאָזען. —— שפעטער אין לעבען האָט ער געוואוינט אין פאריז. אז דיא שטאָדט האָט איהרע פרייליכע ימים טובים געפייערט, פלעגט ער ארויסגעהן אויף דיא בולווארען אָנקוקען וויא דער עולם אמוזירט זיך. ס'האָט געמעגט זיין אין רעכטען מיטען זוממער, ווארעמע, פארעדיגע נעכט, און איבער דער שטאָדט האָט געשוועבט דער זיסער ריח פון דיא בלומען, וואָס איז געקומען פון דיא גרויסע פארקס; דיא גאסען האָבען געבלישטשעט אין שיין פון דעם עלעקטרישען ליכט, לוסטיגע מענשען מיט שמייכלענדע פנים'ער זיינען געגאנגען ארויף און אראָב, האָבען געשריען, געזונגען, געוואָרפען “קאָנפעטי„; אלע זיינען געווען מלא שמחה. ער איז, דוכט זיך, ארויס פון שטוב מיט דער דעה, זיך אויסצומישען מיט'ן גאנצען עולם און צוהוליען מיט אלעמען צו־גלייך; אָבער שוין אין א האלבע שעה ארום האָט ער א דראָשקע גענומען און איז געפאָהרען צוריק אהיים. פאר וואָס? אן עראינערונג האָט פון דער ווייטענס צו איהם גערעדט; אין'ם שיין פון דיא עלעקטרישע לאָמפען האָט דיא גרויסע מאסע פון “קאָנפעטי„ דער ים פון דיא קליינינקע פערשיעדען־פארביגע פאפיערלאך, אויסגעזעהן

ביי איהם אין דיא אויגען אזוי וויא שנעע, און א סוף איז געקומען צו זיין פערגניגען.

דאס האט זיך ווידערהאלט יאהר איין יאהר אויס.

וואו איז געלעגען דיא היים, דאס וויגעלע פון דער נשמה זיינער? וואו איז זיא געבוירען געוואָרען? אפשר ערגעץ וואו אין א זונענלאנד, ביים ברעג פון טייך גאנגעס, וואו דיא לאָטאָס־בלומע ווערט קיינמאל ניט פערוויאנעט! — —

איבער נאכט איז דער שנעע אראב. ער האט געטראכט דערפון, וויא דיא פויגעל אין וואלד מוזען דאס פריהרען פון קעלט, און וויא שטארק דיא וואָרצלען פון דער פיאָלעט מוזען דאס אביסעל ליידען אין דער ערד, איידער זיי שטארבען אָב. און פון וואס זאל דער האז היינט לעבען!

ער האט שוין מעהר פון שטוב ניט געקענט ארויסגעהן. עטליכע חדשים נאכאנאנד וועט ער איצט דאס צימער כמעט ניט פערלאָזען, נאר ארומגעהן צווישען זיינ׳ז פיער ווענד ארויף און אראָב און אויפ׳ן שטוהל זיצען און טראכטען. קיינער האט גאר ניט געקענט פערשטעהן, וויא ער האט געליטען אין דער דאָזיגער תפיסה. ער איז געוועזן יונג גענוג, אום אנטהייל צו נעהמען אין לעבען, ס׳האבען איהם אויך ניט געפעהלט דיא כחות דערצו; אבער דורך דעם פראָסט׳ס א קאפריז, דורך א צופעליגע ענדערונג אין דעם וועטער איז ער פלוצלונג אן ארעסטאנט געוואָרען ביי זיך אין צימער, וואו ער האט קיין אנדער זאך ניט געקענט טהאָן, נאר זיצען און טראכטען.

זיינע פאָרשטעלונגען האבען זיך יעטוועדער רגע געענדערט. אין אלגעמיין איז פאר איהם געוועזן אן אבקומעניש צו ענטפערן אויף בריעף, איצט איז ער געלאָפען צו זיין ארבייטס־טיש און האט אנגעשריעבען א פאק מיט בריעף. צו אלע סאָרטען מענשען, יא, צו פרעמדע אפילו, וועמען ער איז גאר קיין ענטפער ניט שולדיג געוועזן. און איהם האט זיך עפעס דערביי אויסגעדוכט, אז דער סוף, דיא פערניכטונג קומט אן, און אז דורך אט דיא אלע בריעף קיין דרום און קיין צפון וועט ער נאך פאר א צייט לאנג קענען אנהאלטען דיא פערבינדונג, דיא שייכות מיט׳ן לעבען. אויך אין אן אנדער פראָט פלעגט ער זיך שטארק ענעדרן; זיין אינערליכעס לעבען, זיין גאנצער געמיטה איז פערשטערט געוואָרען, ער האט אפט געוויינט שטילערהייט פאר זיך, און דער שלאָף זיינער ביינאכט איז בלויז א דרעמעל געוועזן, בעאונרוהיגט פון מאָדנע חלומות.

אט דער מאן, וואס איז זומער־צייט, דוכט זיך, געוועזן אזוי פריילאך און לוסטיג, האט אין קאלטע, פינסטערע ווינטער־טעג געקענט בעהערשט ווערען פון א מורא׳דיגער דערשלאָגענקייט. אלע ענדערונגען אין איהם פלעגען פאָרקומען דאן פלוצלונג, געוואלטיג אזוי ווי א שטורם, אלע ווילע פאלט ער אויף דיא קניע פאר זיין יונגסטען קינד און מיט הייסע טרעהרען אין די אויגען בעט ער גאָט פאר איהם. זיין וואונש איז, אז דאס אינגעל זאל קיינמאל ניט ווערן קיין עפענטליכע פערזענליכקייט, אזוי וויא ער אליין. ביי אלע עפענטליכע פערזענליכקייטען זיינען דיא קוואלען פון דער נשמה מוטנע און פערפינסטערט. זיי ווערען איבערגעפיהרט מחמת דעם, וואס מען רעדט וועגען זיי עפענטליך, וואס דער עולם האלט אין איין קוקען אויף זיי אויף דער גאס, און דורך דעם וואס זיי הערען דיא בעמערקונגען, וואס דיא פערבייגעהער מאכען וועגען זיי. וויא ווערט ניט דער בליק זייערער, זייער גאנג, זייער גאנצע האלטונג פערפעלשט דורך דיא דאָזיגע אייביגע אויסשטעלונג! ניין, זיין זוהן זאל דיא ערד פערזעען און פון דעם, וואס דיא ערד וועט ארויסגעבען זאל ער לעבען. ער זאל אויך אָבגעהיט ווערן צו שטעלען ווען עס איז זיין פוס אויף א פרעמדער ערד. אומזיסט קוקט זיך דער מענש אום אין א פרעמדען לאנד נאך א גינסטיגען אָרט, אומזיסט זוכט ער מיט דיא וואָרצלען זיינע א היים! מען פערשטעהט ניט דיא אלע ווערטער, וואס ווערן גערעדט, ניט דיא בליקען, ניט דעם שמייכעל. דער הימעל איז אן אנדערער, דיא שטערען שטעהען קאפויר, אונמעגליך זיי גאר צו דערקענען. בעטראכט מען דיא בלומען, זעהט מען, אז זיי האבען עפעס גאר אן אנדער קאָליער; אפטמאל זיינען דיא פויגעל אויך ניט דיזעלבע. און אויף דיא שטאנגען פלאטערן ניט דיזעלביגע פאָהנען.

ער אליין האט אינסטינקטיוו געפיהלט, אז ער איז ארויסגעריסען געוואָרען פון זיין וואורצעל, פון זיין נאטירליכער היים, ער האט אפשר אמאָל, לאנג, לאנג צוריק, געהערט צו א פרעמדער וועלט העט ווייט פון דאנעט, — טא זאל אלזא דער זוהן זיינער לעבען און שטארבען אויפ׳ן זעלביגען שטיקעל ערד, וואס איהם איז בעשערט און פון וואנעט ער וועט ציהען זיין לעבען.

דער טערמאָמעטער „צעלזיוס“ ווייזט אויף 30 גראד פראָסט. מיט שרעק בעמערקט ער, אז דיא קעלט ווערט פון מינוט צו מינוט שטארקער און אז דאס גאנצע לעבען שטארבט אָב אויפ׳ן פעלד. זיין פענסטער געהט ארויס אין וואלד און אויף דעם ברייטען וועג, וואו דיא

מענשען געהען און קומען פון דער שטאָדט. קיין בלאַט ציטערט מעהר ניט, דיא טאַנענבוימער זיינען אזוי וויא נאָלען, און אויף אַלע בוימער ליעגט אַ ווייסער רייף. אַן אָרים, קליין פויגעלע האָט נאָך כחות געגוג צו ריהרען מיט דיא פליגלען; דאָ, וואו זיא איז פערבייגעפלויגען, זעהט מען אין דער לופט אַ דינעם פּאַס פון פּאַרע. די נאַטור האָט קיין שום אָטהעם ניט, זיא איז גאַנץ שטיל און קאַלט, קיין ווינד בעוועגט ניט דיא לופט, אַלעס איז שטייף און ווייס וויא גיפּס.

מיט אַמאָל דערהערט זיך אַ קלאַנג פון גלעקלאַך אונטען אויפ'ן וועג, אַ שליטען פאָהרט פערביי, אין שליטען זיצט אַ העררר מיט אַ דאַמע. איבער דעם פערד און איבער דיאביידע מענשען הייננט דיא גאַנצע צייט אַ ווייסער וואָלקען, וואָס האַלט זיך אין איין בענייען. אָט דער העררר און דיא דאָזיגע דאַמע האָבען אוּדאַי קיינמאָל אין זייער לעבען קיין ווינטרויב ניט געזעהן וואַקסען, אפשר האָבען זיי אויך קיינמאָל ניט טועם געוועזן דעם טעם דערפון. אויף דיא פנים'ער זייערע איז ניטאָ קיין סימן פון אונצופריעדענהייט מיט'ן וועטער, זיי פאָהרען אוּדאַי עפּעס איינקויפען אין שטאָדט, און פון צייט צו צייט טרייבען זיי אונטער דאָס פערד, ווען זיי דוכט זיך, אַז עס ריהרט זיך צו לאַנגזאַם אין דעם וואונדערבאַרען גיפּס. אַ מענש פון דעם זונענלאַנד וואָלט זיך געקאַטשעט אויפ'ן בויך לאַכענדיג איבער אַזאַ מין סצענע. דיא אויגען זייערע קוקען אַן גאַנץ אָפען און אָהן אַ שום פערוואונדערונג דאָס דאָזיגע מורא'דיגע, קאַלטע רעטעניש, וואָס רינגעלט זיי אַרום פון אַלע זייטען, און זיי זאָלען גאָר אַ טראַכט געבען דעריבער! מחמת זיי זיינען אַליין קינדער פון דעם שנעע, אויפגעוואַקסען אין שנעע.

ער זעהט זיין קליינע טאָכטער דרויסען, ווי זיא שטעהט אויפ'ן הויף ביי דיא פענסטער און שפּיעלט זיך. זיא איז אָנגעטהאָן פון אויבען ביז אַראָב אין דיקע, וואָלענע קליידער, נאָר אונטער דיא לאַנגע זאָקען פון ציגענ־האָר ליגען לעדערנע פּאַדעשוועס. דיא טריט איהרע סקריפּען אין שנעע, בעת זיא ציהט דעם שליטען. ביי דעם דאָזיגען אָנבליק הויבען איהם דיא שולטערן אָן צו ציטערן, ער מאַכט צו דיא אויגען, עפּעס אזוי וויא ער וואָלט געוועזן פערמאַטערט, פון מוטשעניש שלאָגט איהם דער קאַלטער שוויים אַרויס אויפ'ן שטערן.

דאָס קינד שרייט אַרויף צו איהם, עס הויבט אויף דאָס פנים'ל מיט דיא רויטע בעקעלאַך און קלאָגט, אַז דער שטריק פון שליטען האָט זיך איבערגעריסען. ער געהט גלייך אַרונטער און קניפּט צונויף דעם שטריק, און ער האָט קיין הוט ניט אויפ'ן קאָפּ און טראָגט ניט קיין דיקע קליידער. „ס'פריערט דיך גאָר ניט?“ פרעגט דאָס קינד. ניין, איהם איז ניט קאַלט געוועזן, זיינע הענד זיינען געוועזן וואַרעם, בלויז אַ שטעכענדען ווייטאָג האָט דיא אייזיגע לופט איהם פעראורזאַכט אין האַלז. אָבער קאַלט איז איהם קיינמאָל ניט געוועזן.

ער דערזעהט, אַז דער גרויסער, אַלטער בעראָזעווער בוים, וואָס שטעהט פאַר דער הויזטהיר, האָט אין גאַנצען געענדערט זיין אויסזעהן, זיין שטאַם איז צובראָכען. דאָס האָט די קעלט געמאַכט! טראַכט ער מיט אַ ציטערנדער זעעלע.

ביינאַכט איז דער פראָסט געבראָכען געוואָרען. ער איז געזעסען אין בעט און געוואַרט אויפ'ן מילדען וועטער, כאָטש ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דער ווינטער וועט נאָך פון דאָס ניי ווידער קומען און נאָך אַ היבשע צייט געדויערן. דאָך האָט ער זיך געפרעהט דערמיט, אַקוראַט וויא אַ פונק פון האָפנונג וואָלט זיך צופלאַקערט ביי איהם אין הארצען.

וואָס ווייטער איז דיא קעלט אַלץ שוואַכער געוואָרען. ענדליך האָט עס אָנגעהויבען קאַפּען פון דיא דעכער, און אויף דרויסען האָט עס געברויזט און געראַוישט אזוי וויא דער שטורם פון מעכטיגע כוואַליעס. איהם איז אַלץ גרינגער און גרינגער געוואָרען אויפ'ן האַרצען, און אַלץ גרעסער זיינען זיינע האָפנונגען געוואָרען; דאָס דאָזיגע ברויזען אין דער לופט האָט איהם געקלונגען אין דיא אויערן אזוי וויא מוזיק. ווער ווייס? אפשר איז דאָס גאָר דער פריהלינג, וואָס פּויקט אויף זיין גאָלדענע פּויק.

איינמאָל ביינאַכט האָט ער דערהערט אַ קנאַקעריי אין פענסטער, ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפ'ן בעט און צוגעהערט, ס'איז געוועזן דער רעגען! אַן אויסערגעוועהנליכע פרייד האָט איהם דורכגענומען, ער האָט אַרויפגעוואָרפען אויף זיך די קליידער, איז אַריינגעלאָפען צו זיך אין סטודיאָ און האָט אָנגעצונדען אַלע לאָמפּען. זיין זעהנזוכט, זיין בענקעניש נאָך'ן זומער האָט געברענט וויא פייער, אַלע פערשלאָפענע, געבונדענע כחות זיינע האָבען זיך מיט אַמאָל אויפגעכאַפּט, אויפגעקניפּט, און נאָך אין דערזעלבער נאַכט האָט ער זיך אַ נעהם געטהאָן צו זיין אַרבייט. געזיכטען און שטימען פון וואַרעמע געגענדען האָבען זיך פון העט ווייט אַ לאָז געטהאָן אויף איהם און האָבען איהם דורכגענומען; אָט ליגט אַ לאַנדשאַפט, זעלטען־שעהן און קלאָהר פאַר זיינע אויגען, אַ צוויבער־טהאָל, און מיטען אין טהאָל שטעהט דער מענש, דיא יונגע הערליכקייט, וואָס האָט צום ערשטען מאָל דערזעהן דיא ערד פאַר זיך.

אַ גאָט, אַ זיעגער, וואָס בליהט אויף ביים

אַנפאַנג, אין׳ם פריה־מאָרגען פון לעבען און געפינט זיך עפּעס אַליין אין פער׳כשוף׳טער געגענד. דיא פעלדער בעדעקט מיט געוויקסען, וואו מען ווארפט אַן אויג, זעהט מען פאַלמענבוימער, געשלענגעלטע פלאַנצען מיט גרויסע, רויטען בליטהען, וואָס קוקען אויס אַזוי וויא פלייש און מען וואָלט געקענט שווערען, אַז זיי אָטהעמען, אינדיגאָ־בוימער, רייז־פעלדער, און וויין־גערטנער. אונטען אין טהאָל פאַשען זיך בהמות, דער מענש געפינט זיך לעבען זיי און ער הערט וויא זיי פרעסען; אויבען אויף אַ פעלז זיצט אַ מחנה סווישטשענדיגע פויגעל, דיא פעדערן זייערע זיינען שטייף אַזוי וויא שווערדען און זייערע אויגען זעהען אויס אַזוי וויא קליינע, גרינע פלאַמען. העט ווייט אין הינטער־גרונד ליגט ווידער אַ שטיק לאַנד מיט פאַלמען־בוימער, וועלכע פערלירט זיך אין דער ווייטקייט.

איבער דער דאָזיגער לאַנדשאַפט טויכען גראָד אויף פון דעם וועלט־אַל דיא ערשטע דינע שטראַהלען פון דער מאָרגען־זונן און בעלייכטען דעם מענשען פון קאָפּ ביז דיא פיס. — —

ער אַרבייט ביז בעגינען צו טאָג. דאַן לעגט ער זיך צו אויף אַ שטונדע און הויבט אָן פון דאָס ניי. קיין זאַך קען איהם ניט שטערען, אַן אונגעוועהנליכער כח האַלט איהם אויף דיא פיס, רייסט איהם מיט מיט זיך. אין משך פון דיא ווייטערדיגע פינף רעגענדיגע טעג מאַכט ער דעם פלאַן פאַר דאָס בילד: דער זוהן פון דער זונן. —

אַ קליינער, ברונעטער און גאַנץ ניט־אָנגעזעהענער מאַן, אָהן אַ באָרד און מיט אַ גלאַטען, קאַלטען שטערן. ער זיצט זיך דאָרט שווייגענדיג אויפ׳ן שטוהל און לאָזט דיא אַנדערעריידען. פון צייט צו צייט הוסט ער זיך פאַנאַנדער און פערשטעלט זיך דאָס מויל מיט דער האַנד. רעדט מען אויס צו איהם אַ וואָרט, געהט איהם אַריבער אַ שוידער איבער׳ן לייב און ער קוקט אָן אַ ווייַלע דעם, וואָס רעדט צו איהם, איידער ער ענטפערט. דאָרט, וואו ער זעצט זיך אַנידער, בלייבט ער זיצען דעם גאַנצען אַבענד, ער איז עפּעס אַזוי אָבגעלאָזען, אַזוי שפּל ביי זיך, אַז קיינער וויל זיך כמעט גאָר ניט אומקוקען אויף איהם. עס קוקט אויס, עפּעס אַזוי וויא ער וואָלט על פּי טעות אַראָבגעפאַלען אַהער אין דער דאָזיגער געזעלשאַפט פון בעקאַנטע מענשען.

אין עטליכע וואָכען אַרום שטעלט דערזעלבער מאַן אַרויס אַ בילד. און פון יענעם טאָג אָן קענען איהם אַלע. — —

אָט דיא געשיכטע פון אַ מאַלער האָב איך אויסגעטראַכט. אפשר לעבט ער דאָ אין צפון־לאַנד, וואו דער ווינטער איז אַזוי מורא׳דיג שטאַרק. אפשר האָט ער געמאָלט אַזאַ מין בילד, וואָס הייסט: דער זוהן פון דער זון.

די ליעבע, די ליעבע, זאל לעבען!

עס שלאָפט לייגגס דער עולם אין שטעדטעל איז שטיל.
און איך געה אום שטאָלץ ווי א מלך:
איך ווארט אויף מיין ליעבסטע אין געסעל אליין
און מיר איז עס לוסטיג און פריילאך!

נו קום דאָך, מיין לעבען, פון שאלקע אראָפ
און לאָמיר אונז לאָזען שפאצירען
צום וועלדעל ביים טייכעל, ביים בערגעלע דאָרט,
און זינגען און שיין מוזיצירען!

מיין ליעבסטע זי קומט ניט — — וואָס איז דאס געשעהן?
האָט עפּעס איין אונגליק געטראָפען?
איהר טאטע מסתמא ק אָ פּ א י ע ט זיך נאָך —
זי ווארט ער זאָל ווערען ענטשלאָפען.

הוררא, אך! אָט קומט זי, אָט איז זי שוין דאָ!
אָה נחת, מיר זעהען אונז ווידער!
מיר געהען צום וועלדעל ביים טייכעלע דאָרט,
און זעצען אונז ביידע אנידער.

נו העבען די הערליכע ליעדער זיך אָן, — —
דאָך הערט אונז און זעהט אונז ניט קיינער:
מיר האָבען קיין צימבעל, מיר האָבען קיין פלייט.
מיר שפּיעלען די ליעבע אליין נור.

דאס זשורצען פון טייכעל, דאס הילכען פון קוס,
זיי קלינגען ווי טענער פון פלייטען;
דאס מורמעל פון וועלדעל, דאס קלאפּען פון הארץ,
דאס טהוט אונז אלס צימבעל באגלייטען.

און שטיל איז אין דרויסען, עס הערט זיך קיין מוק....
ווער קען אונז דאָ שטערען און וועהרען!
עס קוקען פון אויבען נאָך אונטען אראָפ
און לאכען לבנה און שטערען.

עך, זאָלען זיי לאכען! וואס האָט עס צו אונז!
צו טהוען מיר דען וואָס מען טאָר ניט?
זיי האָבען קיין הערצער, זיי האָבען קיין בלוט,
זיי וויסען פון ליעבע אַ האָר ניט.

און אונז איז עס פריילאך און לוסטיג אָהן ענד.....
מיר שפּרינגען, מיר פליהען, מיר שוועבען!
עס זשורצעט דאס טייכעל, עס מורמעלט דער וואלד:
די ליעבע, די ליעבע, זאָל לעבען!

יוסף יפה.

שלום יעקב אבראמאוויטש

(מענדעלע מוכר ספרים).

צו דעם 50 יעהריגען יובילעאום פון זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט.

.1

שלום יעקב אבראַמאָוויטש איז געבאָרען געוואָרען אין דעם יאָהר 1836 אין דער קליינער שטעטעל קאַפּוליע, מינסקער גובערניע, סלוצקער אויעזד — אַלזאָ אין דעם רעכטען מיטען פון דער ליטע, דער קוואַל פון פרישער, נאָך ניט קיין געטשעפּעטער גלות־אידישקייט און פון דער טיעפסטער אידישער אביונות. אָבער קאַפּוליע איז אַ שעהן שטעטיל, שעהן מיט דער אַרומיגער נאַטור, מיט דיא וועלדער, טהאָלען און פעלדער וועלכע רינגלען זיא אַרום, און ניט זעלטען, ווען שלום יעקב איז שוין אַלט געוועזן אַרום צוועלף יאָהר, און איז שוין געוועזן גוט בע׳הבינ׳ט אין תנך, און זיין האַרץ פלעגט איהם פערקוועטשען פון גרויס געפיהל, פון פרייד און ליעבשאַפט צו אַלץ, פון אַן אונבעשטימטען בייַנקען נאָך עפּעס, און דיא געדאַנקען פלעגען איהם נעהמען טראָגען, דאַן פלעגט ער אַרויסגעהן אויסען שטאָדט און דאָרט אויסגיסען זיין האַרץ.

„איך פלעג אַרויסגעהן אין וואַלד“, דערציילט אבראַמאָוויטש אין זיין העברעאישער אויטאָביאָגראַפיע וואָס איז געדרוקט אין סאקאָלאָוו׳ס „ספר זכרון“, „אויף דיא בערג און אין פעלד. שטונדען גאַנצע פלעג איך דאָרט אָפּזיצען פערקלעהרט און מיינע אויגען האָבען זיך געקוויקט מיט דער נאַטור׳ס שעהנקייט, פּראַכט און הערר׳יכקייט, ביז מיט דער צייט האָט מיך דיא נאַטור מיט איהר העללען גלאַנץ גענומען געפאַנגען. זיא האָט מיך צו זיך געצויגען מיט דיא קייטען פון ליעבע, זיא איז געוואָרען מיין ליעבע, זיסע כלה. יעדען טאָג פלעג איך אַרויסקומען געוואָהר ווערן מיין געליעבטע, שפּיעלען זיך מיט איהר און צערטלען זיא. איך פלעג נאָכלויפען נאָך איהר אין דיא טיעפענישען פון דעם וואַלד, אין דיא שאַטענדיגע ערטער, אויף דיא גרינע לאָנקעס און ביי דיא שטילע וואַסערן. אַמאָל פלעג איך זיך אויך אַוועקזעצען אויפן וויגאָן און הערען דאָס מעקען פון דיא סטאַדעס. דער נאַכטיגאַל האָט פאַר מיר געזונגען, דער זשאַווראָניקעל (לערכע) האָט געזונגען אין כאָר מיט אַלע פויגעלעך“.

שפּעטער ווען שלום יעקב איז שוין אַלט געוועזן אַ יאָהר 15, האָט ער געהאַט דיא געלעגענהייט צוצוקוקען זיך צו דער נאַטור נאָך מעהר. דאַמאַלס איז ער אָנגעקומען אויף אַ קנעלונג צו זיין שיעף־פאַטער הנן מעלניקער, דער מילנער פון דער דערפעל מעלניקע, אַ ווייערסט צעהן פון קאַפּוליע. מעלניקע איז אַ זעלטען שעהן ערטעל. אַ פּרעכטיגע שילדערונג פון דער דערפעל וועט דער לעזער געפינען אין אבראַמאָוויטש׳ס „שלמה ר׳ חיים׳ס“.

אין מעלניקע, דערציילט אַבראַמאָוויטש, אויף דעם שויס פון דער נאַטור מיט וועלכער ער פלעגט זיך אָפּט קוויקען און זיא גענוי שטודירען, צוקוקענדיג זיך צום לעבען פון דיא בוימער און דיא פויגלען, האָט ער פערפאַסט זיין ערשטלינג, אַ העברעאישע געדיכט. זאָל זיך דער לעזער גוט אַריינגעהמען אין זינען דעם קליינעם אבראַמאָוויטש׳עס נאָהענטקייט צו דער נאַטור, וועט ער פערשטעהן פאַר וואָס האָט ער, וועלכער איז זיין גאַנץ לעבען זינט ער איז געוואָרען אַ שטיקעל מענש געוועזן פאַרוואָגעלט אין גרויסע שמוציגע שטעדט — פאַר וואָס האָט אונז אבראַמאָוויטש געגעבען דיא בעסטע נאַטור־שילדערונגען וואָס זיינען דאָ אין דער אידישער ליטעראַטור: דיא וואונדערבאַרע בילדער פון׳ם וואַלד, מיט זיינע פויגעלעך, אין זיינע ליכטיגע און פינסטערע מאָמענטען, פון שטורעם, פון גוס־רעגען, פון פעלד און טייך, דיא זיסטע מוזיק פון דעם סאָלאָוויי׳ס געזאַנג.

נאָר לאָמיר זיך אומקעהרען צוריק אין קאַפּוליע.

שלום יעקב׳ס פאַטער איז וויא עס שיינט געוועזן אַ איד גאָר ניט וויא אַלע קליין־שטעטעלדיגע אידען אין יענער צייט. ער איז געוועזן פרום, אַ גרויסער למדן און אַ בעל דרוש, אָבער ער איז אויך געוועזן אַ בעל תנ״ך, אַ בעל לשון, און זיין בעגריף וויא מען דאַרף ערציהען קינדער איז אויך ניט געוועזן קיין געוויינליכער אין יענער צייט. עס ווילט זיך גלויבען, אַז ער האָט געמוזט זיין איינער פון דיא בעהאַלטענע משכילים, וועלכע זיינען געוועזן אַזוי פיעל אין יענער צייט, איינער פון יענע אידען, אין וועמען דיא נייע ווינטען וואָס זיינען אָנגעקומען פון דייטשלאַנד און

עסטרייך האָבען אויפגעוועקט דיא אַלטע פער־
געסענע ליעבשאַפט צו תנ"ך און ריינע העב־
רעאיש.

צו זעקס יאָהר האָט ער שלום יעקב'ן אָב־
געגעבען אין חדר צו איינעם פון די בעסטע מלמדים
און האָט איהם אָנגעזאָגט אז קודם כל זאָל ער
זיין קינד אויסלערנען תנ"ך מיטן תרגום, און
אין סוף פון דריי יאָהר האָט שוין שלום יעקב
געקענט גאַנץ תנ"ך אויף אויסווייניג. צו נייען
יאָהר האָט ער אָנגעהויבען לערנען גמרא. אָט
זיינען זיינע ערשטע איינדריקע פון דעם ים
התלמוד :

„איך האָב מיך געפיהלט אַזוי וויא איינער
וואָס פאָהרט דעם ערשטען מאָהל אויף אַ גרויסען
יריד. ער געהט אַרום מיט אַן אָפענעם מויל און
אויסגעטאַלאַפּעטשעטע אויגען. פאַר איהם ליגען
בערג מיט סחורות אַלערליי און אַלערליי פאַצע־
צעס מיט זאכען. אין דיא אויערן קלינגט אַ גע־
שריי מיט אַ געפּילדער, מיט אַ ליאַרם פון אַלע
זייטען און ווינקעלעך. קויפער און פערקויפער,
הענדלער און מעקלערס פליהען אַרום פערשמאַ־
העט. אַ געלאַף, אַ געדרענג, אַ בייזע בהלה.
מען רעדט, מען ווינקט זיך איבער, מען מאַכט
מיט דיא הענד און מיט דיא פּיס. מען דינגט זיך,
מען שרייט, מען טענה'ט. אין מיין פאַרשטעלונגס
קראַפט האָט יעדער איינער און יעדע זאַך בעזונ־
דער אָנגענומען אַ לעבעדיגע געשטאַלט. דער
„תנא קמא" מיט'ן „האי מן דאמר" האָבען ביי
מיר אויסגעזעהען עפּעס וויא גרויסע בעל גאות,
אָנגעבלאָזענע ענדיקעס, מיט פערפלאָמטע
פּנים'ער. דיא „רישא", דיא „סיפא" מיט דער
„מציעתא" האָבען מיר אויסגעוויזען ווי ארורות
אידענעס, וועלכע קריגען זיך, שטעכען זיך פאַר־
איינס, און כאַפּען איינע דיא אַנדערע ביי אַ לי־
גען... מיט דער צייט האָב איך דעם פּלפּול, דיא
פּשט'לאַך און דריידלעך, און דיא שלעסער וואָס
היינגען אין דער לופטען גאַנץ ליעב בעקומען.
נאָך מעהר האָב איך ליעב געהאַט דיא אגדתות".

צו דרייצעהן יאָהר האָט איהם דער טאַטע
אָבגענומען פון חדר, און האָט מיט איהם אַליין
געלערנט משניות און גמרא מיט מפרשים. ווייַ־
טער פלעגט ער לערנען אַליין אין בית מדרש.
גאַנץ אָפט פלעגט דער טאַטע ביי טאָג קיין צייט
ניט האָבען צו לערנען מיט איהם, פלעגט ער
איהם אויפוועקען פאַרטאָג, סיי זומער און סיי
ווינטער און געהן מיט איהם לערנען אין בית
המדרש. דיזע פאַרטאָגיגע שפּאַציערס זיינען גע־
ווען זעהר וויכטיג פאַר שלום יעקב'ס ענטוויק־
לונג. זיי האָבען איהם אויסגעלערנט צו פער־
טראַכטען זיך, פערטיעפען זיך אין געדאַנקען און
פאַנטאַזיעס, צוהערען זיך צו זיין אייגענעם האַר־
צען און צו דער געהיימניספאָלער שפּראַך פון
דער וועלט־אַל, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריי־
קען. ער בעשרייבט דאָס אַזוי.

„איך געה מיטן טאַטען אין בית המדרש.
דיא שטעטעלע שלאָפט. אין אַלע גאַסען איז
טויט־שטיל. דיא לבנה שיינט, דיא שטערן לויכ־
טען. מיין פאַנטאַזיע צושפּיעלט זיך. איך הער
און זעה וואונדערליכע זאכען. אָט הער איך דעם
מלאך גבריאל'ס מעכטיגע קולות וויא ער רופט
אויס דיא שטונדען אין הימעל. דיא מלאכי
השרות שפּרינגען, לויפען און זינגען שירה. דיא
טויערען פון הימעל עפענען זיך מיט אַ בריאזג.
דיא מלאכים צושטעלען זיך אין מושטער, קיי־
נער גיט ניט אַ ריהר מיט אַן אבר. פלוצלונג טהוט
גאָט'ס שטים אַ שטורעם מיט געוויין. דאָס וויינט
ער אויפן חורבן בית המקדש, אויפן גלות, אויף
גלות השכינה. פון זיינע אויגען קאַפּען טרעהרען,
און דאָס איז דער טוי וואָס מאַכט פייכט מיינע
האָר... דאָס צוקאָכט און צופלאַקערט מיינע גע־
פיהלען, און איך לערן אַ גאַנצען טאָג מיט
התלהבות און מיין האַרץ ברוימט".

ליינענט דיא בעשרייבונג פון הערשעלע'ס
קינדהייט, פון זיינע פאַנטאַזיעס און געפיהלען
אין דעם „ווינש־פינגערל", וועט איהר דאָרטען
דערקענען זעהר פיעל פון דעם קליינעם שלום
יעקב'ס אייגענעם לעבען.

ווען שלום יעקב איז אַלט געווען דרייצעהן
יאָהר איז ביי איהם געשטאָרבען דער טאַטע, און
ער איז אַוועק אין דיא ישיבות. ער האָט געלערנט
אין סלוצק, אין ווילנע און אין אַנדערע שטעדט,
און האָט זיך גענוג אָנגעפּלאַגט. אין אַ פּאָר יאָהר
אַרום, וויא איך האָב שוין אויבען דערמאָנט, איז
ער אָנגעקומען אויף אַ קנעלונג אין דער שעהנער
דערפעל מעלניקע, וואו זיין ליעבע צו נאַטור און
זיינע פּאָעטישע ביינקונגען, וועלכע זיינען גאָר
פערטעמפּט געוואָרען אין דיא ישיבות, האָבען
זיך צוריק אויפגעכאַפּט.

אין מעלניקע האָט מענדעלע פערפאַסט זיין
ערשטע געדיכט. דאָך איז ער נאָך געווען אַ
שרעקליך אונוויסענדער אינגעל. קיין אייראָפּע־
אישע לימודים האָט ער לחלוטין ניט געקענט,
העברעאישע ביכלעך, אַ חוץ אַ פּאָר גאָר פּאַרצוי־
טיגע מליצה־ווערק, האָט ער נאָך ניט געלעזען,
און דיא וועלט, אפילו דיא אידישע וועלטיל, האָט
ער אויך ווייניג געקענט.

עס קען זיין, אַז דער פּונק פון אויפקלעה־
רונג, וואָס האָט אַריינגעבלאָנדזשעט צו איהם אין
מוח, וואָלט אין גיכען אויסגעלאָשען געוואָרען.
„ר' מענדעלע" וואָלט ניט געוואוסט פון דיא פיי־
ניגונגען און פערפאָלגונגען, וואָס זיינע כתבים
האָבען איהם פערשאַפט, און מיר וואָלטען אין

איהם פערלאָרען דעם פאטער פון דער היינטיגער אידישער ליטעראטור, ווען — ווען ניט אברהם׳ל דער הינקעדיגער. ניט אויף דער סיסטעמע שטעהט דיא וועלט, אויפן צופאַל שטעהט זיא. ווען שלום יעקב איז אַלט געוואָרען 18 יאָהר, איז זיך אין קאפּוליע געקומען צושלעפּען צוריק פון זיינע נסיעות דער בעטלער אברהם׳ס דער הינקע־דיגער. דאָס איז קענטיג געווען זעהר אַן אינטע־רעסאַנטער חברה־מאַן, איינער פון יענע וואנדע־רער אָרעמע לייט, וואָס בעזיצענדיג אַ מעכטיגע פאַנטאַזיע, זייענדיג אונגעהייערע שקרנים און בעלי־מגזם און בעזיצענדיג דעם כוח הדבור צו געבען דיא אונמעגליכסטע רבי בר־בר־חנה נייס דעם שיין פון אמת, רופען זיי אַרויס דיא גרעס־טע בעוואונדערונג און דעם טיעפסטען צוטרויען ביי דיא ישיבה־בחורים פון דיא ליטווישע בתי־מדרשים. אברהם׳ל דער הינקעדיגער, וועלכער איז געקומען פון וואָהלין, האָט גענומען דערציי־לען אַלערליי גוזמאות פון דיא גליקען פון יענעם געגענד. וואָהלין, איז אויסגעקומען נאָך זיינע מעשיות נאָך, איז עס דיא אמת׳ע ארץ זבת חלב ודבש און דיא אביונים פון שטאָדט זיינען גרויסע נארען וואָס זיי פאָהרען ניט קיין וואָהלין. עס איז געשעהן דאָס וואָס מענדעלע בעשרייבט אין אַ העברעאישע סקיצע אין דעם זשורנאַל „בן עמי“. אַ גרויסע ביידעל אַנגעפּאַקט מיט „קבצאנסקער“ אביונים האָט זיך אוועקגעלאָזען אונטער דער פיהרערשאַפט פון אברהם׳ל דעם הינקעדיגען זוכען גליקען אין וואָהלין, און איי־נער פון דיא פּארשוינען אין ביידעל איז אויך געווען דער 18 יעהריגער שלום יעקב. אַ צייט נאָכאַנאַנד האָט זיך „מענדעלע“ ארומגעשלעפּט מיט אייגענע און פרעמדע אָרימע לייט. אין פיע־לע שטעדט און שטעדטליך איז ער אויסגעווען, און דיא בעאָבאַכטונגען, וואָס ער האָט אויף אַזאַ אופן געמאַכט אויף דיא אידישע טאָרבעס, האָ־בען זיך טיעף איינגעקריצט אין זיין זכרון. ווען ניט אברהם׳עלס ספּורי נפלאות, ווער ווייס אויב מיר וואָלטען גאָר ווען געהאַט דעם זכות צו בעקענען זיך מיט אַזאַ טהייערן גאַסט וויא „פישקע דער קרומער, אַ מעשה פון אידישע אָרימע לייט“?

נאָך פיעלע וואַנדערונגען איז שלום יעקב אַנגעקומען קיין קאַמעניץ־פּאַדאָלסק, אין וואָה־לין. אויב וואָהלין איז ניט געווען קיין ארץ זבת חלב ודבש אין דעם זינן וויא אברהם׳ל דער היני־קעדיגער האָט דערצעהלט, איז עס אָבער געווען אין אַן אַנדער זינן. דיזער געגענד איז דאַן געווען דער גרויסער קוואַל פון וואַנען דיא וואַסערן פון דער השכלה האָבען זיך צוגאָסען איבער גאַנץ רוסלאַנד. וואָהלין, זייענדיג נאָהענט צו דער עסטרייכישער גרעניץ, האָט אַם פריהסטען אי־בערגענומען דיא אידעען, דיא וועלט־בליקען און דעם ברען נאָך גייסטיגער פרייהייט און ערלויכ־טונג פון דיא גרויסע עסטרייכער השכלה פּראָפּאַ־גאַנדיסטען קראָכמאַל, בלאָך, ראַפּאָפּאָרט, לע־טערים און ערטער, וועלכע האָבען עס אונגע־פעהר מיט אַ דור צוריק אריבערגעצויגען פון מענדעלסאָהן און זיינע נאַכפאָלגער אין פּרייסען. אַ מערקווירדיגער דור מענשען זיינען עס געווען דיא וואָהלינער און זיד־רוסישע משכילים. וויא ערהאבען, וויא אונערמידליך טריי זיי האָבען עס געדיענט זייערע אידעאַלען פון אויפקלעהרונג און גייסטיגער בעפרייאונג צווישען דיא אידען. זייענדיג צוזייט און צושפּרייט אין פיעלע שטעדט און שטעדטליך און זייענדיג בלוט־אָרים, האָבען זיי דאָך דורך דעם וואָס זיי זיינען געווען שטאַרק פערבונדען צווישען זיך און האָבען איינע פון דיא אַנדערע אימער געוואוסט וואָס זיי טהוען און וואו זיי געפינען זיך, — גלייך וויא זיי וואָלטען געווען פריי־מויערער אָדער מיטגליעדער פון אַ געהיימער סעקטע — אויסגעאיבט אַ מעכטיגען איינפלוס אויף דעם יונגען וויא אויך אויף דעם מיטעלען דור. זיי האָבען זייערע אסופים געלערנט, געליהען ביכער, פער־פערטיגט אין שוהלען, געשטיצט מיט געלד — מיט איין וואָרט זיי האָבען פיר זיי געטאָהן אַלעס גוטעס און נאָבעלעס. אין קאַמעניץ־פּאַדאָלסק האָט זיך צו דער צייט פון שלום יעקב׳ס אום־וואַנדערונגען געפונען דער בעריהמטער העברעאי־שער דיכטער און שריפטשטעלער אברהם בער גאָטלאָבער, וועלכער האָט סיי פון זיין קאַפּעדרא אַלס לעהרער אין דער אידישער רעגיערונגס־שוהלע, סיי דורך זיינע ענדלאָזע קאָמעדיען, ער־צעהלונגען, געדיכטע, אַרטיקלען און וויסענ־שאַפטליכע אָבהאַנדלונגען געסטאַרעט זיך מיט אַלע כוחות צו טויטען דעם אבערגלויבען ביי אידען.

אונזער „מענדעלע“ איז אָנגעקומען אין קאַ־מעניץ־פּאַדאָלסק און האָט זיך דערפרעגט צו גאָטלאָבערן פון וועלכען ער האָט געהאַט געהערט, און נאַטירליך מעהר האָט ער ניט בעדאַרפט. גאָטלאָבער און זיין טאָכטער ראַזאַליע האָבען שוין איהם ניט אָבגעלאָזען. זיי האָבען איהם אַ צייט נאָכאַנאַנד געלערנט אייראָפּעאישע שפּראַ־כען און וויסענשאַפט, ביז וואַנען ער איז אַרויס פון זיי אַ היבש געבילדעטער מענש, מיט דער נשמה און מיט דער הארץ פון דעם אמת׳ן משכיל פּראָפּאַגאַנדיסט.

אַ שרייבער איז אבראַמאָוויטש געוואָרען ווידער דורך אַ צופאַל. ער האָט זיך גאָר ניט פּאָר־געשטעלט אַז ער זאָל גאָר אַמאָהל ווערן אַ שריי־

בער. א שרייבער איז ביי איהם אין דיא אויגען דאן פארגעקומען עפעס גאר א העכערער סארט מענש, און וויא קען זיך דאס א געוויינליכער בשר ודם דערוואגען גאר אפילו צו חלום'ען וועגען דעם. ער איז שוין דאן געווען בעווארענט מיטן שטיקעל־ברויט, קריגענדיג א שטעלע אין א רעגיערונגס־שוהלע, און האט זיך רוהיג ווייטער געהארעוועט אויף קענטשאפט. נאר אט מאכט זיך, אז א מלמד פון א דערבייאיגער שטאדט שיקט צו צו אבראמאוויטש'ן א בריעף און פרעגט איהם אייניגע עצות וועגען דעם וויא ער זאל לערנען זיינע קינדער. דאס איז געווען א קאלטע שטורעמדיגע ווינטער־נאכט. שלום יעקב איז געזעסען איינער אליין אין זיין הדר, און דער אומעט האט געגאגט זיין הארץ. אום צו פערטרייבען דיא נודא האט ער זיך געזעצט אפענטפערן דעם מלמד. אבער דיא ווערטער און געדאנקען האבען גאר אומגערן א פלייץ געטאהן פון זיין קאפ, און באלד האט ער שוין געהאט פערשריבען פון ביידע זייטען א גרויסען בויגען פאפיער. ער האט פון דעם בויגען ארויסגענומען א קליינעם בריוועלע פארן מלמד, און דעם בויגען האט ער זיך געלאזען וואלגערן אין שטוב. אין א קורצער צייט ארום קומט איהם אן פון עסטרייך דער נומער 31 פון דער העברעאישער צייטונג „המגיד", ערשטער יאהרגאנג, אין וועלכען ער געפינט אפגעדרוקט זיינע געדאנקען וועגען ערציהונג, וואס ער האט דאן אויסגעגאסען אויפן בויגען פאפיער, און אונטערן ארטיקעל שטעהט זיין נאמען. צוזאמען מיט דער צייטונג האט ער אויך געקראגען א ווארימע איינלאדונג פון רעדאקטאר א. ל. זילבערמאן, ער זאל שרייבען נאך. דאס איז געווען א פריינדליכער שפיצעל פון אבראמאוויטש'עס צוויי גוטע פריינד לעווין און גאטלאבער. זיי האבען דאס ארטיקעל אריינגעגעבען אין „מגיד".

דאס האט מענדעלען אריינגעגעבען חשק צו ווערן א שרייבער. ער האט זיך צוגעקוקט צו דער העברעאישער ליטעראטור פון דיא לעצטע פאר יאהר און זיא איז איהם שטארק ניט געפעלען געווארען. דאס איז געווען א טויטע ליטעראטור, מיט קליינינקע אינטערעסען, פול מיט מליצה'לעך און שפיעלעכלעך, אהן וויכטיגע פראגען, אהן ווירקליכען אינטערעס פארן לעבען. און זיין ערשטער ארויסטריט מיט זיין קריטישען ווערק „משפט שלום" (1860 ווילנא) איז געווען אזוי וויא א באמבע אין דעם רוהיגען, שטילען געצעלט פון דיא העברעאישע שרייבער. אין 1862 האט זיך שלום יעקב געשטעלט דיא פראגע : „למי אני עמל"? פאר וועמען איז מיין מיה ? וואס טויג שרייבען העברעאיש, אז דיא גרויסע אידישע מאסען פערשטעהען עס גאר ניט ? ער האט איינגעזעהען דעם פערברעכען וואס דיא אידישע שרייבער בעגעהן געגען דער אידישער פאלקס־שפראך. עס איז געווען זעהר ניט קיין כבוד צו שרייבען אידיש. אבער אבראמאוויטש האט געוואלט זיין ניצליך זיין ארעמען פאלק, האט ער פערבויגט דיא „שאנדע," און אין 1863 איז מענדעלע צום ערשטען מאהל ארויס אין דער אידישער שפראך מיט זיין „קליין־מענשעלע". דער העלד פון דעם „קליין־מענשעלע", יצחק אברהם תקיף, איז א ווירקליכע פערזענליכקייט, נעמליך א געוויסער בערדיטשעווער פרנס־החודש. אין דער פאמיליע פון דעם דייטשען אידען, וועלכע ווערט אזוי סימפאטיש פארגעשטעלט אין יענער ערצעהלונג, איז ניט שווער צו דערקענען דיא פאמיליע פון אברהם בער גאטלאבער.

שלום יעקב האט זיך ניט אומגעקעהרט א היים. ער איז פערבליבען א „לעטוואק" צווישען דיא פוילישע, וואהלינער און זיד־רוסישע אידען, קעמפפענדיג מיטן מויל און מיט זיין פעדער געגען דעם פאנאטיזמוס פון דעם אלטען דור, געגען דיא אונטערדריקונג פון פאלק דורך דיא פרנסים און „בעלי טובות" און פאר דיא פערשפרייטונג פון אויפקלעהרונג צווישען זיינע ליעבע ברידער. פיעלע יאהרען נאכאנאנד האט מענדעלע קיין רוה ניט געהאט; ער האט געמוזט לויפען פון שטאדט צו שטאדט, דורך דעם כעס פון זיינע בלוטיגע שונאים דיא פאנאטיקער און דעם פאלקס בלוט־טרינקער. מיר זעהען „מענדעלען" ארומשפרינגענדיג מיט זיינע כתבים דא אין בערדיטשעוו, דא אין זשיטאמיר און דא אין אדעס.

אז איהר קוקט דורך דיא ליסטע פון „מענדעלעס" ווערקע זעהט איהר וויא ער האט זיך שטענדיג געווארפען צווישען דיא צוויי פונקטען. דא איז ער א בעלעטריסט, א פסיכאלאג, וואס וויל אויסמאהלען דאס לעבען פון זיינע ברידער, פערשעהנערן דאס סימפאטישע אין זיי און העסליך מאכען דאס געמיינע, און דא ווערט ער ווידער דער לעהרער, וועלכער קומט ארויס פראסט און אפען לערנען דאס פאלק, אז צוויי מאהל צוויי איז פיער. אין 1865 גיט ער ארויס דעם „ווינש־פינגערל" און דערצעהלט הערשעלי'ס לעבען און וויא אזוי דיא „כאפערס" פערשפרייטען פאר איהם זייער נעץ, און אין 1867 גיט ער ארויס א געשיכטע פון רוסלאנד. אין 1873 גיט ער ארויס דיא „קליאטשע" און אין נעקסטען יאהר קומט ארויס זיין איבערזעצצונג פון דעם געזעץ־בוך וועגען מיליטער דינסט.

.2

מענדעלע איז אַרויסגעטראָטען געגען דער ליטעראַטור, ניט בלויז געגען דער אידישער נאָר אויך געגען דער העברעאישער, וויא ער האָט זיי דאַמאַלס דערוויסט, און האָט אין זיי געשאַפען אַ נייע וועגדונג. דאָך אַרויסרייסען זיך פון זיין צייט קען קיינער ניט. אַ מענש קען זיך שטעלען מיט אַ פּאָר קעפּ העכער פון דיא מענשען פון זיין דור, אָבער ניט מיט צוואַנציג קעפּ.

דיא אידישע ליטעראַטור אין אבראַמאָוויטש'ס צייטען, און אַפילו דיא העברעאישע זיינען געוועזען זעהר אָרעם. פון רעאַליזמוס, פון לעבענס־טרייהייט, פון נאַכפּאָרשען און שטודירען דאָס לעבען געננוי און טיעף, און אין אַלע וויכטיגע איינצעלהייטען און פאָרשטעלען עס אין פאַרבען מיט דעם צוועק, אַז דער בילד זאָל אַרויסקומען וואָס קלעהרער און וואָס נעהנטער צו דאָס געמאָהלענע — דערפון האָט מען אין אַנפאַנג פון דיא זיעבציגער יאָהרען ביי אידען ניט געטראַכט. מאָהלען מענשען אַן און פיר זיך, גלאַט אַזוי זיך, ווייזען וואָס פאַר אַ סאָרט מענשען, אָדער קלאַסען מענשען עס זיינען דאָ ביי אידען, און מאָהלען זיי טיעף, גרונטיג, מעהר איינוויניג איידער אויסוויינינג, ווייזענדיג וויא אַזוי דאָס לעבען בעשאַפט אַזעלכע מענשען און וויא אַזוי אַזעלכע מענשען בעשאַפען דאָס לעבען — דאָס איז געוועזען צו איידעל, צו פיין פאַר דער אידישער און העברעאישער ליטעראַטור פון יענער צייט. דיא היינטיגע פּסיכאָלאָגיע אין דער ליטעראַטור, וועלכע אינטערעסירט זיך אַ סך מעהר מיט דיא אינערליכע ערלעבניסע איידער מיט דיא אויסערליכע פּאַסירונגען, און וועלכע זוכט דיזע פּאַסירונגען צו ערקלעהרען דורך פריהערדיגע גייסטיגע ערפאַהרונגען — איז פאַר דיא אידישע ליטעראַטען פון יענער צייט געוועזען לחלוטין פרעמד.

דיא ליטעראַטור סיי אין העברעאיש און סיי אין אידיש איז דאַמאַלס פריהער פון אַלץ געוועזען אַ פּראָפּאַגאַנדאַ ליטעראַטור. אין יעדען ראָמאַן, אין יעדער גרעסערע אָדער קלענערע ערצעהלונג איז דער תוך געוועזען דער מוסר השכל, דער געדאַנק. יעדעס ווערק האָט געגען עפּעס אָדער מיט אימיצען מלחמה געהאַלטען. דיא שרייבער זיינען געוועזען משכילים, מיט אַנדערע ווערטער מגידים אויף חיים רומשיסקער'ס שטייגער, און, פונקט ווי די משלים אין די מגידישע דרשות, אַזוי איז אין יענער ליטעראַטור זעהר אָפט דיא ערצעהלונג גופא צוזאַמען מיט דיא געשטאַלטען געוועזען בלויז אַ קאַנווע אויסצונעהען אויף דערויף דעם שטיק מוסר, דעם נייעם געדאַנק, דיא געווינשטע רעפאָרמע אין דעם אידישען לעבען.

שלום יעקב אבראַמאָוויטש איז דער גרעסטער שרייבער פון יענער צייט, — אָבער מאַקע נאָר פון יענער צייט. און ער האָט דיא מייסטע פעהלערן פון זיינע צייט־גענאָסען. נאָר וויל ער איז דער גרעסטער צווישען זיי, דער איינציגער גרויסער טאַלאַנט, האָט ער אויך אַ סך מעלות וואָס זיי האָבען ניט. און דאָס מאַכט איהם פאַר דעם פאַטער פון דער נייער אידישער ליטעראַטור.

אין אבראַמאָוויטש'ס ווערק איז דאָ זעהר אַ סך מגידות, איך מיין דיא השכלה מגידות. אָפטמאָהל וועגט דיא מגידות אריבער דיא שילדערונגען מיט דיא פּסיכאָלאָגיע. דאָס וואַרפט זיך גלייך אין דיא אויגען וויא איהר עפענט נאָר אויף „מענדעלעס“ אַ ביכעל. יעדער ביכעל זיינער מוז האָבען אַ הקדמה. נאָר דיא הקדמה איז ניט וויא אין אַנדערע ספרים, וואָס אַז איהר ווילט לייענט איהר זיא, און אַז איהר ווילט היפּט איהר זיי איבער. ניין. אָנפאַנגען פאַנגען זיך טאַקע מענדעלע'ס הקדמות אָן וויא אַלע פאַרצייטיגע הקדמות, מיט אַ בעשרייבונג פון דעם מחבר, פון זיין ווייב, און וויא אַזוי ער איז געקומען צו דעם בוך, נאָר תוך כדי דיבור, איהר בעמערקט קוים וויא דאָס געשעהט, פאָהרט דיא הקדמה אַריין אין דעם תוך אַריין אין דער רעכטער ערציילונג. דיא הקדמה איז אַ דרשה, אַ שטיקעל חקירה, אַ שטאָך, אַ קריטיקע אויפן אידישען לעבען, אַ חכמה'לע, גלאַט אַ קלוג־ווערטיל, אַמאָהל איינגעטייטשט אַ פסוק, אַמאָהל אַ שטיקעלע צאינה וראינה. צום סוף ביכעל קומט אַ „הדרן“ אַזוי וויא נאָך אַ סיום, ווידער אַ חכמה'לע, אַ גלייך־ווערטעל, אַ מגידישער קרעכץ. אין מיטען דער ערצעהלונג גופא פערגעסט אויך ר' מענדעלע זעהר אָפט אַז ער דערציילט אַ מעשה אָדער שילדערט דאָס לעבען און גיט איבער דיא לייצעם דעם מגיד, ער זאָל טרייבען וואָהין ער וועט וועלען, גאָר להבדיל וויא ער גיט זיי איבער דעם פערדיל שטעהענדיג אויפן שוועל פון דעם „קליין מענשעלע“ און אויפן קרייץ־וועג צווישען גלופּסק און דיא שטעטיל וואו עס איז דער יריד. דערנאָך אַז ער כאַפּט זיך אַז דער מגיד דער שלים־מזל'ניק האָט פערפיהרט ערגעץ אין אַ „טינטעריל“ רייסט ער ביי איהם צוריק אַרויס דיא לייצעם, און ענטשולדיגט זיך פאַר דיא פאַרשוינען מיט אַ „ניט דאָס בין איך אויסען“. דערביי אָבער שטעהען אַלע מאָהל פינטעלעך... אַי, איז ער דאָס אויסען, אַי אויסען!

אָבער ר' מענדעלע איז זעהר אַ גוטער מגיד, און פייערדיג וויא דער קעלעמער, מיט אַ פייערדיגע שפּראַך, וועלכע ברענט, זידט און קריצט

זיך איין וויא א שארפע דלאָטע און האקט אויס א בילד.

אָט איז א בילד פון א יעסינדיגער נאכט:

„אין דעם דאָזיגען געסעל איז געווען רוהיג, שטיל וויא אויף א בית עולם, עס האָט נאָר זיך געהערט דאָרט א רוישען פון ביימער, וואָס דער ווינד האָט מיט זיי געטרעשטשעט, וויא אויך א געשושקעריי פון עטליכע איבערגעבליבענע דארע בלעטליך ערגיץ דאָרט אויף א ביימעל און א קול פון א דריבנע־אָסענדיג רעגענדיל, וואָס האָט צו־וויילען געקראָפּעט אויף אראָפּגעפאלענע בלעטער... איז דער ווינד אויף א רגע אנשוויגען געוואָרען האָט פון דערווייטענס זיך געלאָזט הערען א געקלאפעריי ערגעץ פון א מיהל און א ליארעם, א גערויש פון א ביסטרע פלייצענדיג וואסער. קוים האָט דער ווינד ווידער אויף דאָס נייע אָנגעהויבען, האָבען מיט איהם, ביים אָנהויב פון דער שטאָדט זיך פערטראָגען מטושטשע, פערמישטע מיני קולות: א קרעה פון א האָהן, א מריקען פון א קיה, א סקריפּ פון אהין־און־אהער זיך שליידערנדיגען טויער, א גערידער, א געטימעל פון א בעל העגלישער פאָהרענדיגער יאזדע.

(קליין מענשעלע, 46.)

און אָט איז א בילד פון א שטורם:

„עס האָט געטאָהן א בליץ, גלייך וויא דער הימעל האָט זיך געשפּאָלטען און אָפּגעטוקט דיא וועלט מיט פייער. באלד דארויף האָט א הילך געטאָהן א דונער און זיך אָפּגערופען ארום און ארום מיט שרעקליכע קולות וויא פון טויזענדער הארמאטען. עס האָט זיך אויפגעהויבען א שטורעם־ווינד, ער האָט משונה געפייפט, געוויינט, געהיילט וויא הונגעריגע וועלף... דער אנשלאָפענער וואלד האָט זיך אויפגעכאפּט שטארק דערשראָקען. עס האָט זיך אויפגעכאפּט איטליכס גרעזעלע, איטליכס צווייגעלע, איטליכס בלעטעלע, אלע האָבען גערעשט, געפּילדערט, געפּלוידערט אויף אלערליי קולות און פערמישטע לשונות. סאראקעס, וואראנעס, סאָוועס... האָבען צוגעקרעכצט, צוגעשפּיעלט א וויינענדיגס. יעדער בעזונדער האָט געקרעכצט, געזיפצט, געשריגען, איינער דעם אנדערן מבלבל געווען, ביז א שלאקס־רעגען האָט מיט אמאָל איטליכען פערשטאָפּט דיא מיילער... דיא ביימער בויגען אָן דיא קעפּ... האָבען אפּנים וויא אָבגעשמיסענע — תרבית, שא שטיל! און פון’ם גרינעם בלעטער־מאנטעל קאפּעט זיי טראָפּענס וואסער, קאפּ קאפּ אויף דער ערד, קאפּ מיר אויפן קאָפּ“. (קליאטשע 45).

און ניט בלויז אויף אויסצומאָהלען דיא נאטור איז שלום יעקב’ס פעדער אזוי שטארק, אזוי ריידעוודיג קלאָהר. דאָס זעלבע איז אויך ווען עס קומט איהם אויס צו בעשרייבען א מענשען.

„היה טריינע’ס מאן איז א יוד מיט א לאנגער נאָז. דאָס שיטערע בערדיל, דיא פּאות און דיא ברעמען העל בלאָנד וויא פלאקס. בשעת שווייגען קייט ער דיא צונג און איידער ער קלייבט זיך צו ריידען בעלעקט ער זיך פריהער, אזוי אז איהם אָנקוקענדיג, פערשטעהט מען וואָס טייטשלעקיש... פון’ם גאנצען בענעהמען זיינעם דערקען איך באלד, אז ער ליגט אונטערן ווייב’ס פאנטאָפעל, האָט פאר איהר דאָס ניין יעהריגע קדחת...“ (פישקע, 54).

אבראמאָוויטש האָט אן אונגעוויינליך שארפע, דורכדרינגענע אויג, אָבער זיין בליק איז צו האסטיג און זיין שכל צו פלינק. עס פעהלט איהם דיא געדולדיגקייט, דיא טיעפקייט פון יענע גרויסע קינסטלער, וועלכע לעבען זיך איין מיט זייערע העלדען, איבערלעבענדיג מיט זיי דעם טיעפסטען יאוש, אָדער אויפשפּרינגענדיג מיט זיי פאר ווילדע פרייד. דאָס קען אבראמאָוויטש ניט. נאָר דאָס אויבען־אויפיגע, דאָס וואָס ווארפט זיך אין דיא אויגען, שטיקלעך, ברעקלעך, אָבגעריסענע גליעדער כאפּט זיין אויג אראָפּ אזוי וויא א שנעל־פאָטאָגראפיע. ניט דעם גאנצען מענשען אפילו ניט דעם גאנצען אידען בענעהמט און שילדערט מענדעלע. אליץ קומט ארויס אָבגעריסענערהייט. עס פינקלען א סך פּערל, אָבער ניט צונויפגעטשעפּעט אויף קראנצען, נאָר קורפּעס־ווייז, אויסגעלעגט אָהן צערעמאָניעס גאָר וויא פּראָסטע פּאטשערקעס; א טהייערע שטיק מגידות מיט א מישמאש פון קלוגע משלים, בילדעלעך, אויסגעמישט און אָנגעוואָרפען איינע אויף דיא אנדערע.

מענדעלע’ס טאלאנט, וויא טשארלז דיקענס, פּאסט זיך אם בעסטען צו מאָהלען געזעמעלס, רעדלעך גאנצע. דאָרט דארף מען ניט קיין טיעפקייט, קיין דורכיגקייט. זיין גרעסטער טאלאנט בעשטעהט אין איבערגעבען די פּסיכאָלאָגיע, ווי דער הערר גר צדק ווייזט אין דער „אידישער פאמיליע“ (2טער יאהרגאנג 103, 164, 207) ניט פון א יחיד, — נאָר פון א גאנצען כלל, ניט פון א אידען, נאָר פון אידען, ריכטיגער גערעדט, פון ליטווישע אידען. — און אין דעם פּרט איז מענדעלע ביי אונז דער איינציגער און דער גרעסטער. ניט וועלענדיג זיין קיין רעאליסט, זיינען דאָך זיינע שילדערונגען אין דעם הינזיכט ארויסגעקומען אזוי לעבענס־טריי וויא דיא קאלטע, אונפּארטייאישע שילדערונ־

גען פון א פאַרשער. קיין שרייבער האָט נאָך ניט אזוי דורכגענומען דעם אידען, דאָס גאַנצע אידישע פאָלק צונויפגעקוועטשט אין איינעם, ניט בעקוקט און פערצייכענט איהם פון אלע זייטען, אין אלע מאָמענטען פון זיין לעבען, און אלץ אזוי ריכטיג, ווי אבראמאָוויטש. אָבער מיט זיין גאַנצע גאונות האָט נאָך אבראמאָוויטש קיין איין גאַנצע, קלאָהרע, געזונדע געשטאַלט ניט בעשאַפען; קיין איין ברייטע, גרויסע פעסטגעשטעלטע פיגור, וועלכע מען זאָל קענען אננעהמען אלס א ט י פּ, אלס א מאָדעל פון א גרויסע קלאַסע אידען; מיט דער אויסנאַהמע פיעלייכט פון בנימין השלשי, וועלכער איז מעהר א קאַריקאַטור איידער א טיפּ און, מיט דער אויסנאַהמע פון מענדעלע'ן וועלכער איז א טיפּ פון גאָר א בעזונדער מין. נעהמט צום ביישפּיעל איינע פון אבראמאָוויטשע'ס געלונגענע געשטאַלטען, זיין „הערשעלע." איהר זעהט פאר זיך א ליטווישען אידישען לערן־אינגעל, א לערן־אינגעל וויא אללע לערן־אינגלאך, אָדער אפשר טאַקע גאָר אללע לערן־אינגלאך אינאיינעם. ניט קיין קלאָהרקייט, קיין שאַרפקייט, ניטאָ מיט וואָס אָפּצוטהיילען איהם פון א מיליאָן אַנדערע. דיא גליעדער זיינען ניט גענוג אויסגעפיללט, ניט פארקיילעכדיגט, דיא פאַרב ניט ריידעוודיג גענוג, דער אויסדרוק אין פּנים בלייך. עס פעהלט דיא פערבלענדעניש וואָס זאָל הערשעלע'ן געבען דעם שיין פון אן איינצעלנעם בעזונדערן מענשען. הערשעלע איז טאַקע דער אייגענער לייזער יאַנקעל, און אָפּטמאָהל אַז זיי צוריידען זיך איז פון דיא רייד שווער צו דערקענען, ווער איז דער טאַטע און ווער דער זוהן, און דערפאַר פערשטעהען זיי זיך אָפּט אזוי גוט. מעהר ניט, הערשעלע איז נאָך ניט געקומען צו דער מדרגה פון א אידען.

אָבער הערשעלע האָט דאָך לכל הפּחות זיין פּסיכאָלאָגיע, זיין אינעווייניגסטען לעבען, כאָטש אין אמת'ן איז דאָס גאָר א קהל'שער לעבען, א לעבען וואָס געהערט אין שותּפות צו כל הנערים. נעהמט אָבער פישקע דעם קרומען, ער האָט כמעט גאָר קיין אינעווייניגסטען לעבען ניט. מען זעהט וויא פישקע ליגט אויסגעצויגען אויפן באַנק אין באָד, וויא ער הינקט; מען הערט זיין ניט־שאַרפע אויס־שפּראַכע, מען זעהט זיין עהרליכע מיענע, אָבער מען זעהט ניט זיין נשמה. מענדעלע דערציילט ווי אזוי ער איז געווען א פערזע־ אָבער מען זעהט ניט זיין נשמה. אבראמאָוויטש דערציילט וויא אזוי ער איז געווען א פערזעסענער בחור. שטאָט האָט אויף איהם פערגעסען, און אפילו בשעת חאָלעריע האָט מען איהם אויך ניט חתונה געמאכט. וויא האָט פישקע דאָס אליין אויפגענומען? וואָס פאר א געפיהלען האָט דאָס ביי איהם ארויסגערופען? וועגען דעם שווייגט דער פּסוק. זעהט אָבער וואָס פאר א הערליכע, טיעפע הערצענס־טראַגעדיע י. ל. פּרץ האָט אויסגעבויט אויף דער טהעמא אין זיין „בשעת מגפה".

דאַרף איך נאָך דערמאָנען דיא „הארבאַטע" און אָנווייזען אז א חוץ דעם וואָס זי איז א קרבן, א חוץ דעם וואָס פישקע האָט איהר ליעב און וואָס אבראמאָוויטש האָט אין איהר פערקערפּערט א געוויסען סאָרט פרויען־סענטימענטאַליטעט, זיסליכע געפיהלעכץ, ענטהאַלט זיא אין זיך מעהר גאָר ניט? דאַרף מען נאָך אַמאָל אָנווייזען אַז דער „ממזר" איז קיין פּערזאָן ניט, איז ניט גענומען פון לעבען, איז ניט קיין בעשעפענים פון דעם שרייבערס בעאָבאַכטונגס קראַפט נאָר א פערזענליכקייט גענומען פון דער לופטען, אָדער אויסגעבאָרגט פון אַלטע מעשה־ביכלעך, א גלגול פון דעם אינטריגאַנט פון ביליגע קאָמעדיעס ?

און ווייל אבראמאָוויטש איז ניט קיין טיעפער פּסיכאָלאָג, האָט ער נאַטירליך ניט געקענט בעשאַפען קיין טראַגעדיעס וואָס זאָלען ארויסשפּרינגען פון דיא הערצער פון דיא מענשען, פון זייערע כאַראַקטערען, פון זייער פערשיעדענהייט פון אַנדערע מענשען, פון זייער ניט קענען שטימען מיט אַנדערע אָדער מיט זיך אליין; האָט ער ניט געקענט אָנפּיללען זיין „פישקען" אָדער אָפּילו זיין „ווינש־פינגערל" אָדער דעם „קליין־מענשעלע" מיט נאַטירליכע פּאַסירונגען וועלכע זאָלען נאַטירליך פאָרקומען אלס רעזולטאַטען פון דעם אינעווייניגסטען לעבען פון דיא מענשען און וועלכע זאָלען ערקלעהרט ווערן דורך זייער אינעווייניגסטען לעבען. ניין, פיעלע פּאַסירונגען זיינענגוואַלד־ריסען, עפּעס פאַלט אראָפּ וויא פון הימעל, אונערוואַרטעט, פּלוצלונג, א איבעררא־שונג, א נס.

דאָס הייסט שונד. קיין קונסט איז דאָס ניט. דיא קונסט האָט ניט צו טהאָן מיט קיין פּלוצלונגונגען. דיא קונסט האָט צו טהאָן מיטן מענשליכען לעבען, דער עיקר מיט זיין אינגערליכען לעבען, און דיא פּאַסירונגען זיינען איהר נאָר דאַן וויכטיג ווען זיי זיינען איינגעקניפּט אין דעם אינעווייניגסטען לעבען פון דיא מענשען. אויב אָבער זיי קומען תּאַר גאָר פּלוצלונג, און ניט דורך דיא פריהערדיגע ענטוויקלונג פון דער ערציילונג אָדער דראַמא בעלאַנגען זיי גאָר צו דער אויסערער וועלט פון בלויזע צופאַלען, זיי האָבען דאַן קיין שייכות ניט מיט דעם מענשען; און דער קינסטלער האָט מיט זיי ניט צו טאָהן.

(שלוס פאָלגט).

י. ענטין.

מיין רבי

1

א נאָמען האָט מען איהם געגעבען שמעון, גערופען האָט מען איהם „שמעון דער לולב“. מען האָט איהם ניט געמיינט דערמיט מבזה צו זיין — חס ושלום! שמעון דעם לולב האָבען אלע געהאלטען פאר א מופלג א איד; פאר א גרויסען חריף, און עס איז גאָר געווען א זכיה פאר א אינגעל אריינצופאלען צו איהם אין חדר. ער פלעגט ניט נעמען אבי וועמען פאר א תלמיד: בעסער בלייבען אָהן א קנעלונג — פלעגט ער שטענדיג זאָגען — איידער רייסען די גאל מיט פויערים.

—ביי וועמען לערנסטו?

— ביי שמעון דעם לולב, ענטפערט דער בחור'ל מיט גאוה.

— אָהאָ!... ער וועט דיר אוועקשטעלען אויף א פוס.

לולב האָט מען איהם גערופען פאר זיין הויכען וואוקס. ער איז אפשר געווען ניט אזוי הויך, ווי לאנג: א מאָגערער, אנ'אויכגעדארטער מיט אנ'איינגעפאלענעם אויסגעבלייכטען פנים, מיט דינע פאות און א גראָען שמאָלען בערדעל האָט שמעון אויסגעזעהן מורא'דיג הויך. אלץ איז אויף איהם געהאנגען, ווי אויף א שטעקען, און בערעל—יאָסעלעס, דער הויף־שניידער פון שמעון דער לולב, האָט זיך תמיד געוואונדערט, וואָס די חכמת השניט גילט ניט פיר אלעמען, והא ראיה: דעם לולב'ס סטאָן־ראָק, דעם לולב'ס אויבערמאנטעל, דעם לולב'ס הויזען.

אָבער דערפאר איז אין דעם דארען מלמד געזעסען א נשמה — פלאם־פייער. מען האָט געדארפט אויף איהם א קוק טהאָן בשעת ער האָט געזאָגט „דעם בלאט“. דאָס איז שוין געווען ניט דער אויסגעדארטער, פארמאָגערטער שמעון דער לולב, נאָר א לייב: זיין קול ברומט, די אויגען אין איהם ברענען, ווי גליהענדע קוילען, זיין גאנצער קערפער רייסט זיך אין קאמפף מיט דעם הארי פון תוספות, דעם מרשאה צושמעטערט ער אויף ברעקלעך, פון מהרם־שיף מאכט ער פראָסט חוזק, און ווער רעדט שוין וועגען די איבעריגע מפרשים?...

היינט זיין התמדה! גאנצע נעכט פארקלינגט ער דעם שוהל־הויף, און ווער עס געהט פערביי שטעלט זיך אָב הערען שמעון דעם לולב. זיין קול איז גראד ניט געווען קיין שטארקער, אָבער דערפאר זיין מתיקות! איין בורא וועיסט, וואו ער האָט גענומען אזעלכע נגונים: דאָ כאפט אלעמען אָן א שוידער פון זיין נגון, דאָ הערט זיך שוין א קול פון נחמה, און דאָ — ווי ער וואָלט בעטען ביי וועמען רחמים — צוגיסט ער זיך אין א ים טרערען.

א מתמיד איז ער שטענדיג געווען, נור ביז ניט לאנג האָבען דערפון געוואוסט ניט אלע. ער פלעגט זיך שטילערהייד אוועקגעהן אין קלויז און פלעגט זיך שטילערהייד לערנען אזוי לאנג, ביז עס פלעגט איהם אָנכאפען א שלאָף. מיט א נגון האָט ער אָנגעהייבען צו לערנען ישוין נאָך דעם, ווי עס האָט זיך געטראָפען די מעשה מיט זיין יאָסקען.

כדי איהר זאָלט בעסער פערשטעהן, ווי האָט עס מיט שמעון דעם לולב'ס קינדער געקענט פאסירען דאָס, וואָס ס'האָט מיט זיי פאסירט, מוז איך אייך זאָגען, אז אין וועלט־זאכען איז שמעון דער לולב ניט געווען קיין גרויסער חכם. ער פלעגט אָפטמאָל ארויסזאָגען אזעלכע וועלט־סברות אָדער אָבטהאָן אזעלכע מעשים, אז אלע האָבען געזעהן, דאָס ער איז אין וועלט ענינים, במחילה, גאָר א תם. בעת, למשל, מען האָט דעם שטאָדט־גבאי און שענכטען בעל־הבית אריינגעזעצט אין תפיסה, פאר'ן צושטעלען קאזנא געטוכלעטע קאָרן, און אין שטאָדט איז געווען א יללה ווי נאָכ'ן חורבן, גיט דער לולב א זאָג פאר אנ'עולם מענשען בזה הלשון:

— עס איז רעכט אויף איהם! זאָל ער ניט גנב'ענען ביי קאזנא! וואָס הייסט עס ביי קאזנע איז כשר? בייזערט ער זיך ווייטער: קאזנא נעמט ביי מיר, ביי חים'ען, ביי בערלען און שמערלען. אז מען בע'גנב'עט קאזנא — בעגנב'עט מען מיר, דיר און נאָך א אידען.

אָדער למשל די הדרכה, וואָס ער האָט געגעבען זיינע קינדער.

זיין יאָסקע, איין טשיקאווער אינגעל, גאָר

א וואוילע כלי, איז פערפאלען געוואָרען כלי היה. ער איז אוועקגעפאָהרען אין א ישיבה, א שיין אידעשער בחור׳ל און דאָרט איז איהם אומגעקעהרט געוואָרען דאָס האר׳ץ. אז ער איז געקומען צוריק, איז ער שוין געוועזן ניט דער זעלביגער יאָסקע.

גלייך נאָך דעם ערשטען שלום־עליכם גיט דאָך איהם שמעון א טאפּ אהער, אהין, גיט איהם א פרעג, ווי האָט מען אין דער ישיבה געלערענט דעם פשט אָט דאָ, וואָס מיינט רשי דאָרטען, און א תוספוס׳ל, און א לשטתו — יאָסקע קוקט ווי א האָהן אין בני־אָדם."

— יאָסקע, וואָס איז מיט דיר? פרעגט דער לולב: דו בינסט דאָך עפּעס גאָר אויסגעטהאָן פון דער גמרא!

— דער קאָפּ, טאטע, טהוט מיר וועה.

— ניט דער קאָפּ, נור דאָס האר׳ץ — האָט שמעון א זיפ׳ץ געטהאָן, א שאָקעל געבענדיג מיט׳ן קאָפּ — און ווייטער גאָר נישט.

און אז דער רב האָט אין א פּאָר טעג ארום א פרעג געטהאָן שמעון דעם לולב:

— אייער יאָסקע איז געקומען? וואָס זעהט מען איהם עפּעס גאָר אין די אויגען ניט?

איז שמעון דער לולב א ביסעל רויט געוואָרען און האָט, איבערגעחזר׳ט יאָסקעס ליגען:

— דער קאָפּ טהוט איהם וועה.

אנ׳אנדער טאטע וואָלט דאָך אזא יאָסקען צובראָכען די ביינער און ארויסגעיאָגט פון שטוב: וואָס הייסט עס? ווילסט ניט לערנען — געה ברעך דעם קאָפּ! וואָס בין איך דיר מחויב צו קאָרמענען? און ער גאָר נישט. איז ארום געגאנגען הייסק ווי די ערד, ניט געגעבען, ניט געשלאָפען און יאָסקען א וואָרט ניט גערעדט.

און אז ער האָט זיך שוין אויסגעקליבען צו פארפיהרען מיט זיין בן א שמועס, האָט ער עס געפיהרט אויף אזא שטייגער:

— יאָסקע, זאגט ער מיט א קול פון תחנונים, וואָס וועסטו איצט טהאָן? לערנען ווילסטו ניט, קיין מלאכה קענסטו ניט, וואָס וועט פון דיר ווערען?

טאטע, ענטפערט יאָסקע אזוי ווי ברוגז, וואָס דאגה׳סטו פיר מיך? אין בין ניט קיין קינד, איך וועל זיך אליין פערזאָרגען.

— וואָס הייסט: וואָס דאגה איך פיר דיך? פיר וועמען דען זאָל איך דאגה׳נען? קיין צעהן קינדער האָב איך ברוך השם ניט.

און דאָס איז גאָר.

דערנאָך פאָהרט יאָסקע ווידער ערגעץ וואו אוועק. שמעון מיט זיין „גאָט׳ס קיהעלע" (אזוי האָט מען גערופען זיין ווייב) בעגלייטען זייער צדיק ביז׳ן לאָנקע, די מאמע רוקט איהם אָן אין די קעשענעס פרישע בייגעל, דער טאטע בעט איהם ער זאָל שרייבען האָטשע איין מאָל אין צוויי וואָכען... די פוהר איז שוין לאנג אוועקגעפאָהרען — און שמעון דער לולב קוקט נאָך אלי׳ן אהין, וואו זיין קדיש איז פערשוואונדען געוואָרען און פרעפּעלט תפילת־הדרך.

דערנאָך קומט יאָסקע ווידער צו גאסט, שוין אין מעשענע קנעפּלעך מיט א בלאָהע לאמקע. דעם טאטען ברייננגט ער א מתנה א לולקע, דער מאמען א זיידענע פאציילקע און דער שוועסטער מירקען א גאנצען פּאק קליינע ביכלעך, באָבע מעשיות פאר קינדער און פאָהר צוריק אוועק.

און דערנאָך... ווער ווייסט וואָס דערנאָך איז מיט איהם געוואָרען? יש אומרים, אז מען האָט איהם דערטרונקען, נאָך א יש אומרים איז פאראנען, אז מען האָט איהם געפיערטעלט, נאָר איזיק דער פּאָצטאליאָן, וואָס ווייסט בטבע אלי׳ן, דערצעהלט אלעמען בסוד, אז לעבען לעבט יאָסקע, נאָר ער איז גלייך כמת...

אָט פון דאנען אָן האָט שמעון דער לולב אָנגעהויבען צו לערנען מיט א נגון.

היינט אז גאָט האָט דיך געשטראָפט מיט גדול־בנים — טאָ קוק זשע כאָטש אויף דיין מירקען מיטביידע אויגען — איז דאָס אויך ניט. מירקע טראָגט זיך שטענדיג ארום מיט ביכעלעך. ליגט אויף זיי גאנצע נעכט, און שמעון דער לולב גלייך ווי ניט זיין דאגה.

— מירעלע, געה שוין שלאָפען — בעט ער זיך ביי איהר — דו שלאָפסט דאָך ניט גאנצע נעכט.

— נישט־קשה, טאטע, ענטפערט מירקע מיט א חנפ׳דיגען שמייכעל, איך בין נאָך יונג, איך וועל זיך נאָך אויסשלאָפען. געה, טאטע, רוה זיך אוים, דו האָסט דאָך א גאנצען טאָג געריסען די האר׳ץ מיט דיינע תלמידים.

און אז שמעון געהט אריין אין קאמער, זאָגט ער צו זיין „קיהעלע": וואָסער א חכמניות מירעלע איז, עס איז פּשוט א מחיה מיט איהר צו ריידען.

— אָהן עין־הרע, ענטפערט די קיהעלע.

דער רב האָט א מאָל דעם לולב מתרה געווען:

— זעהט, רבי שמעון, גיט אכטונג אויף אייער מירקען, זי איז עפּעס א צו גרויסער מתמיד אין די ביכלעך. ביכלעך זיינען אלע מאָל א סכנה און בפרט נאָך ביי איצטיגער צייט.

אָבער רבי שמעון האָט נאָר א קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס:

— וואָס קען איך מיט איהר טהאָן?

— וואָס הייסט: וואָס קענט איהר מיט איהר טהאָן? איהר זייט דאָך א טאטע?

נו, אז א טאטע איז וואָס? מיט היינטיגע קינדער טאָר מען ניט איינרייסען, זיי אנטלויפען פון שטוב און עס ווערט פון זיי א הפקר.

אויסגעלאָזען האָט זיך מסתמא ווי דער רב האָט געזאָגט: מירקע האָט געקאָנטשעט נאָך ערגער פון יאָסקען.

2

ויהי היום, שמעון דער לולב איז זיך געזעסען ביים טיש פּארטראכטערהייד און געפּיפּקעט די ליולקע נאָך דער וועטשערע, געהט מיט א מאָל צו איהם צו זיין מירקע און הייבט אָן בערך מיט אזא נוסח:

— טאטע, זאָגט זי מיט א זיסער שטימע, איך וויל פאָהרען קיין ווילנאַ.

ביי שמעון'ען איז איינגעפאלען דאָס האַרץ, די הענט האָבען זיך אָנגעהייבען צו טרייסלען, די ליפּען צו שאָקלען, ווי ער וואָלט וועלען וואָס עס איז זאָגען און קען ניט אויסריידען.

— טאטע, זינגט מירעלע ווייטער, נאָר אויף א קורצע צייט: איך וועל דאָרטען אויסהאלטען דעם עקזאמען אין גימנאזיום און קום צוריק צופאָהרען.

„די קיהעלע“ האָט אויפגעהערט צו וואַשען די געפעס ביים פּריפּעטשעק, אין שטוב איז געוואָרען אזוי שטיל, אז עס האָט זיך געהערט ווי עס קלאפּט דער פּומפּעדיקעל פון הויזעריגען וואנד־זייגער.

— נאָר א נייעס! וואָס פעהלט דיר, מירקע, ביי אונז — האָט זיך דער לולב געכאַפּט בייזערן — וואָס דאַרפסטו די גימנאַזיע?

און אין א ווייַלע ארום האָט ער זיך שוין געבעטען:

— זעה, מירעלע, פאָהר ניט. מיר בלייבען עלענד, ווי די שטיינער, וואָס וועט פון אונז ווערען, אז דו וועסט אויך אוועקפאָהרען? יאָסקען האָבען מיר פערלאָרען און דו ווילסט נאָך אויך אוועקגעהן פון אונז.

ביי שמעון אין די אויגען האָבען זיך געשטעלט טרערען.

מירקע האָט זיך אויך אָנגעהויבען צו ווישען די אויגען און איז ארויס פון שטוב. בשעת זי איז אריין צוריק, איז שוין שמעון אין שטוב ניט געווען: ער איז געלעגען ביי זיך אין קאמער אויפ'ן בעטעל, האָט זיך געוואָרפען פון איין זייט אויף דער אנדערע און האָט געקרעכצט:

רבונו של עולם, וואָס איז דאָס פאר א גזר אויף אונז?

די "קיהעלע" איז געזעסען ביים טיש, שטריקענדיג א זאָק און ווי מירקע איז אריין, איז זי אריין געקומען מיט איהר אין א שמועס מכח דעם זעלבען ענין. אָנגעהויבען האָט זי עס זעהר דיפּלאָמאטיש:

— וואָס קען דאָס זיין, מירעלע, וואָס מיר האָבען אזוי לאנג קיין ידיעה ניט פון יאָסקען?

— גיט זי זיך א פרעג אין דער וועלט אריין — דער אויבערשטער ווייסט צו ער לעבט נאָך?

— וואָס, מאמע, פאלט דיר איין אזעלכע זאכען?

— זעה, מירעלע, פאָהר ניט — האָט זי מיט א מאָל אויסגעגאָסען — זעה, וואָס וועט ווערען פון טאטען, ער וועט עס ניט אויסהאלטען. נאָך דער מעשה מיט יאָסקען איז ער גראָה און אלט געוואָרען. גאנצענע נעכט פלעגט ער ניט שלאָפען. וואָס וועט פון איהם ווערען, אז דו וועסט אויך אוועקפאָהרען; דו ביסט דאָך זיין גאנצער טרייסט. האָב, מיין קינד, רחמנות אויף אונז, פאָהר ניט.

„די קיהעלע“ רעדט און פון איהרע אויגען גיסען זיך טרערען.

— גוט, מאמע — ענטפערט מירעלע, זיך שלאָגענדיג מיט דער דעה — איך וועל זיך בעטראכטען. געה דערוויל שלאָפען.

עטליכע טעג זיינען זיך אוועק כשורה. אין דער פריה זאָגט זיך שמעון „דעם בלאט“, דערנאָך קומט ער אהיים, עסט אָב אָנבייסען, לערנט מיט זיינע תלמידים — אלין ווי דערשטייגער. מירעלען חנפ'עט ער א ביסעל מעהרער, ווי פריהער, פרעגט איהר א איבעריגען מאָל פאר וואָס עסט זי ניט, טראָגט איהר אונטער איהרען א ביכעל, ווען ער זעהט, אז זי זוכט עס. די "קיהעלע" אויך דאָס גלייכען, — אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפען.

מירקע איז אוועקגעפאָהרען.

שמעון מיט זיין גאָט'ס קיהעלע האָבען איהר בעגלייט ביז'ן לאָנקע. די מאמע האָט איהר אָנגערוקט אויפ'ן וועג פרישע בייגעל, דער טאטע איז געגאנגען שטיל, ווי נאָך א לויה. מעהר ניט ביים געזעגענען זיך האָט ער איהר א פרעג געטהאָן, אפשר האָט זי חרטה, און אז מירקע האָט ניט געענטפערט, האָט ער זיך מיט איהר צוקושט און זיך שטילערהייד אומגע־קעהרט צוריק.

דערנאָך איז זי געקומען צוריק, האָט גע־בראכט דעם טאטען א מתנה ציגארען, די — מאמען א זיידענע פּאציילקע, אין שטוב עטלי־כע טעלער מיט גלעזער און איז צוריק אוועק־געפאָהרען, אויף קורסען — האָט זי געזאָגט.

דערנאָך קומט זי ווידער אראָב — מיט'ן עטאפּ און ברייגנט דעם טאטען א נייע מתנה — אנ'אייניקעל...

אז שמעון דער לולב מיט זיין קיהעלע האָבען דערזעהן זייער גאסט מיט דער מתנה אויף דער האנד, האָבען זיי שיעור ניט געחלש'ט פון שרעק: דאָס איז געווען ניט די יונגע, שיינע, בליהענדע מירעלע, נאָר אנ'עלטערע, אויסגע־דארטע פרוי מיט א בלאסע איינגעפאלענע גע־זיכט. פון די פריהערדיגע מיערלע זיינען גע־בליבען נור די שווארצע אויגען, וועלכע זיינען איצט נאָך געוואָרען גרעסער, און די זיסע קלינ־גענדע שטימע.

— ווער איז דאָס? גיט שמעון מיט א ציטערענדען קול א פרעג, ווייזענדיג מיט'ן פינ־גער אויף דאָס קינד.

— דאָס איז מיין קינד, מיין סאָניטשקע, ענטפערט מירקע מיט א וויסטען שמייכעל.

שמעון'ען איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען.

— דיין קינד! — שרייט ער מיט א היי־זעריגער שטימע — דו,... מירקע... דיין קינד?...
און דו ביסט נאָך געקומען אהער מיר פער־שווארצען די אויגען?!...

— איך בין ניט געקומען, נאָר מען האָט מיר מיט געוואלד אהער געבראכט, — שטאַ־מעלט מירקע, שלינגענדיג די טרערען. מען האָט מיך ארעסטירט צוזאמען מיט מאָיסייען... מיט סאָנעטשקעס טאטען... מיט מיין מאן... אין קריעפּאָסט האָב איך געבאָרען דאָס קינד.... איך בין געווען קראנק... מען האָט מיך ארויס־געלאָזען, און איך האָב זיך געבעטען מען זאָל מיר ניט טרייבען אהער צו אייך... איך האָב זיך ניט געוואָלט ווייזען פאר אייך מיט אזא פּנים, מיט איהר אויפ'ן האנד... איך האָב זיך געבעט־טען צו זיינע עלטערען, אָבער זיי האָבען מיך מיט'ן עטאפּ צוגעשיקט אהער... איך פאָהר מאָרגען אָפּ צוריק....

און מירקע האָט געהאלטען וואָרט: זי איז אויף מאָרגען בשתיקה אוועקגעפאָהרען.

וואוהין און וואָס איז מיט איהר געוואָרען — דאָס ווייס גענוי קיינער ניט. נאָר אייזיק דער פּאָצטאליאָן, וואָס ווייסט בטבע אלץ, דער־צעהלט אלעמען בסוד, אז לעבען לעבט זי, נאָר זי איז גלייך כמת...

פון דאן אָן שטעהען ביינאכט לעבען קלויז גאנצע רעדלאָך. יעדערער וואָס געהט פערביי, מוז זיך אָבשטעלען הערען שמעון דעם לולב'ס גמרא־נגון. דער נגון זיינער עגבערט זיך ממש אריין אין הארצען און צושפּילט זיך דאָרטען אויף די דינע הארץ־סטרונעס. אָט־אָט צוגיסט זיך איין סטרונע אזוי־הויך, אז עס פערכאפּט דעם אָטהעם, אָט קרעכצעט די אנדערע אזוי ביטער, אז אייך ווילט זיך מהרהר־בתשובה זיין, און אָט טראָגט אייך די דריטע אוועק העט־העט גאנץ ווייט, וואו עס זיינען ניטאָ קיין צרות און טרערען און וואו גאָט שפּאצירט געארעמט מיט די צדיקים...

דאָס האָט אָבער געדויערט ניט לאנג.

איינמאָל באגינען קומט דער שמש אין קלויז און זעהט, ווי שמעון דער לולב ליגט אָנ־געשפּארט אויף דער גמרא און שלאָפט.

— רבי שמעון, רבי שמעון, — וועקט ער איהם,
— עס איז שוין צייט צו געהן שלאָפען. רבי שמעון!...

רבי שמעון האָט ניט געענטפערט: ער איז געווען טוידט.

אַ. סענעקס.

דער אנפאנג פון דער פאָליטישער עקאָנאָמיע

דער מערקאַנטיליזמוס.

אין פאָריגען ארטיקעל האָבען מיר זיך בעמיהט אויסצוגעפינען דיא ערשיינונגען, וועלכע האָבען ארויסגעשטעלט נייע אויפגאַבען אין לעבען און וועלכע האָבען געצוואונגען דיא מענשען אויסצופאָרשען דיא אורזאַכען פון עשירות און אָרימקייט ביי איינצעלנע מענשען און ביי גאַנצע פעלקער. דאָס איז געווען דער אנפאנג פון דער פאָליטישער עקאָנאָמיע. דענסטמאָל ערשט איז מען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אויך דיא ערשיינונגען אין געזעלשאַפטליכען לעבען, אַזוי, ווי די ערשיינונגען אין דער אויסערליכער נאַטור, זיינען ניט צופעליג, ניט קיין מקרה־זאַך, נור דאָס זיי קומען פאָר לויט אַ געוויסען סדר, נאָך געוויסע געזעצען. און ווען מען איז געקומען צו אַזאַ איבערצייגונג, דאַן האָבען אויך דיא מענשען, וועלכע זיינען געשטאַנען אן דער שפּיץ פון דיא רעגיערונגען, גענומען זוכען דיזע געזעצען, כדי צו קענען איינאָרדנען דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען נאָך יענע געזעצען.

אַזוי וויא אין יעדער וויסענשאַפט האָבען אויך דיא ערשטע פאָליטיקאָ־עקאָנאָמען זעהר פיעל טעות'ן געהאט. זיי האָבען ניט גלייך ענטדעקט דיא אמת'ע רעגיערענדע פאַקטאָרען, דיא געזעצען פון געזעלשאַפטליכען לעבען. זעהר לאַנג האָבען זיי געטאַפּט אין דער פינסטערניש, אַזוי וויא דיא אלכימיקער בנוגע צו כעמיע, דיא אַסטראָלאָגען בנוגע צו אַסטראָנאָמיע, א. ז. וו. אַלס אַ גוטער ביישפּיעל קענען אונז דיענען דיא מערקאַנטיליסטען — דיא אַנהענגער פון מערקאַנטיליזמוס, — פון דער ערשטער פּראַקטישער סיסטעם אין דער פאָליטישער עקאָנאָמיע.

אַרויסגעהענדיג פון'ם בעוואוסטען פאַקט אין אַלטעגליכען לעבען, אַז רייכער איז יענער, וועלכער האָט מעהר מזומן'ע געלד, האָבען דיא ערשטע מערקאַנטיליסטען געמיינט, אַז דיזעלבע זאַך איז אויך בנוגע צו אַ גאַנצע לאַנד. ד. ה., אַז וואָס מעהר געלד עס וועט בלייבען אין דער מדינה אַלץ רייכער וועט דאָס לאַנד זיין. מען האָט דורכגעפיהרט געזעצען, וועלכע האָבען פערבאָטען אַרויסצופיהרען געלד קיין אויסלאַנד. דיא אינלענדישע סוחרים האָבען ניט געטאָרט קויפען קיין סחורות אין אויסלאַנד פאר מזומן, און דיא אויסלענדישע סוחרים, וועלכע האָבען פערקויפט סחורות אין לאַנד, האָבען געמוזט דאָ גופא דאָס געלייזטע געלד אויסגעבען. אַרויספיהרען געלד האָט דאָס געזעץ פערבאָטען.

מעהר וויא אומעטום האָט דיזע שיטה געהערשט אין ענגלאַנד. ענגלאַנד האָט ניט קיין אייגענע גאָלד און זילבער גענוג. דער איינציגער מיטעל צוציהען מעהר געלד אין לאַנד איז געווען דער אויסלענדישער מסחר. אום צו וויסען אַ חשבון פון'ם האַנדעל, וואָס מען פיהרט אין אויסלאַנד, האָט דיא ענגלישע רעגיערונג געגרינדעט אין אויסלאַנד גרויסע צענטראַלע סקלאַדען פאר סחורות. (אין ענגלאַנד האָבען דיא אויסלענדישע סוחרים מורא געהאט צו קומען). דיא ענגלענדער האָבען געמוזט אַריינפיהרען זייערע סחורות דוקא אין דיזע סקלאַדען. דאָ זיינען שוין געווען ענגלישע בעאַמטע, וועלכע האָבען אויפגעפאַסט, דאָס פון יעדען מסחר זאָל דער ענגלישער סוחר אַרויספיהרען וואָס מעהר געלד. דיא אַריינגעפיהרטע געלד האָט, פערקעהרט, געמוזט בלייבען אין ענגלאַנד גופא. עס איז זאָגאר געווען אַ געזעץ, דאָס יעדער אויסלענדישער סוחר, וועלכער וויל האַנדלען אין ענגלאַנד, זאָל אויסקלייבען פון דיא ענגלישע סוחרים איבער זיך „אַ בעל הבית“, וועלכער האָט געמוזט אויפפּאַסען דאָס דיא געלייזטע געלד, זאָל דער סוחר ניט אַרויספיהרען צוריק.

דיזע שיטה אין דער פאָליטיק איז בעוואוסט אונטערן נאָמען: „דיא שיטה פון געלד באַלאַנס“. דיא פּראַקטישע סיסטעם איז געווען געגרינדעט אויף דער מיינונג, אַז דער איינציגער געגענשטאַנד פון רייכטהום איז דאָס געלד. פאַר'ן מערקאַנטיליסט האָט געלד פאַר זיך

אַליין אַ ווערטה, און דוקא געלד. אַנדערע סחורות האָבען נור אַ ווערטה אויף אַזוי פיעל, וויא וויים זיי קענען אויסגעביטען ווערען אויף געלד. דיא עקאָנאָמישע קראַפט פון לאַנד ווערט אויסגעמאָסטען מיט דיא סומע געלד. וואָס גרעסער דיזע סומע איז, אַלץ גרעסער איז דיא עקאָנאָמישע קראַפט פון לאַנד.

דאָס פּראַקטישע לעבען האָט אָבער גלייך אַליין געוויזען, אַז דיזע פּאָליטישע סיסטעם איז דורך און דורך פאַלש. אויסער דעם, וואָס מיט דער ענטוויקלונג פון האַנדעל איז איבערהויפּט געווען אונמעגליך צו קאָנטראָלירען דיא סומעס אַריינגעפיהרטע און אַרויסגעפיהרטע געלד, דען דער ענטוויקעלטער האַנדעל קען ניט פאָרקומען נור מיט מזומנ'ע געלד. מען האָט געמוזט אָנקומען צום קרעדיט: פערקויפען און קויפען אויף וועקסלען און אַנדערע ווערטה־פּאַפּיערען — אויסער דאָס אַלץ האָט מען זיך גלייך איבערצייגט, אַז ניט אַלע מאָל איז דאָס אַרויספיהרען פון מזומנ'ע געלד אַ שאַדען פאַר דער מדינה. דער סוחר האָט עס געקענט אַרויספיהרען, פערווענדען אויף סחורות, פערקויפען מיט ריוח און אַריינפיהרען שפּעטער מעהר געלד.

האַלטען זיך נאָך אַלץ ביי דער פריהערדיגער מיינונג איבער דיא בעדייטונג פון געלד פאַר דער מדינה, האָט דער מערקאַנטיליזם נור איבערגעביטען דיא פּאָליטיק, דיא פּראַקטישע מיטלען, וויא אַריינצוציהען מעהר געלד אין לאַנד. אַנשטאַט דיא פּאָליטיק פון „געלד באַלאַנס" איז איינגעפיהרט געוואָרען דער „האַנדעלס באַלאַנס". דיא רעגיערונג האָט זיך נור געסטאַרעט דאָס דער ווערטה פון דיא אַרויסגעפיהרטע סחורות, זאָל זיין מעהר פאַר דיא אַריינגעפיהרטע. דאָס וועט שוין ממילא בריינגען דערצו, דאָס ס'זאָל אין לאַנד אַריינגעפיהרט ווערען מעהר געלד. ווען איך פערקויף אין אויסלאַנד, למשל, פאַר 100,000 רובעל סחורות און קויף נאָר דאָרט פאַר 75,000, וועט מען דאָך דעם רעשט פון 25,000 סיי וויא סיי מוזען דעקען מיט געלד. דער אַנהענגער פון „געלד באַלאַנס" סיסטעם איז געווען דער מיינונג, אַז געלד דאַרף מען איבערהויפּט אויסגעבען וואָס ווייניגער, דער מערקאַנטיליסט פון „האַנדעלס באַלאַנס" סיסטעם האָט אָבער געזאָגט: ניין! אויסגעבען געלד קען מען וויפיעל מען וויל. מען דאַרף נור אויסגעבען דאָס געלד אויף אַזאַ אופן מען זאָל שפּעטער בעקומען וואָס מעהר ריוח".

אום דיא אַרויסגעפיהרטע סחורות זאָל זיין מעהר פאַר דיא אַריינגעפיהרטע, האָט דיא רעגיערונג אונטערגעשטיצט מיט פערשיעדענע פּרעמיען יענע סוחרים, וועלכע פלעגען אַרויספיהרען סחורות קיין אויסלאַנד, און, פערקעהרט, געמאַכט שוועריגקייטען פאַר דיא אַריינגעפיהרטע סחורות דורך גרויסע אָבצאָהלונגען. מען האָט איינגעפיהרט דעם צאָהל־טאַריף. צווינגענדיג דעם אויסלענדישען סוחר צו צאָהלען גרויסע פּאָשלענעס (אָבצאָהלונגען) פאַר זיינע סחורות, האָט דיא רעגיערונג דערמיט גופא אונטערגעשטיצט דיא היימישע סוחרים, ווייל זיי האָבען געקענט פערקויפען זייערע סחורות פאַר העכערע מקחים און דאָך זאָל עס זיין ביליגער איידער ביים אויסלענדישען קאָנקורענט. אַזאַ סיסטעם צו שיצען און אונטערצושטיצען דעם היימישען האַנדעל און אינדוסטריע ווערט אָנגערופען: „פּראָטעקציאָניזמוס" (פּראָטעקשן).

אויסגעהענדיג פון דער איבערצייגונג, אַז דער שיקזאַל פון לאַנד איז אָבהענגיג פון דעם מסחר, האָט דיא רעגיערונג אָנגעווענדעט אַלע מעגליכע מיטלען אונטערצושטיצען דיא סוחרים. זיא, דיא רעגיערונג, האָט ניט געזשאַלעוועט קיין הלוואות און פּריווילעגיעס פאַר די דאָזיגע, וועלכע האָבען געמאַכט מסחרים. איבערהויפּט האָט דיא רעגיערונג אונטערגעשטיצט דיא פאַבריקאַנטען מאַנופעקטוריסטען. ווארום צו יענער צייט איז דער האַנדעל מיט אויסלאַנד געפיהרט געוואָרען הויפּטזעכליך נור אין אינדוסטריא פּראָדוקטען. דיא ערשטע אונטערנעהמער האָט דיא רעגיערונג גערן געגעבען פּריווילעגיעס און מאָנאָפּאָלען. כדי דיא פאַבריקאַנטען (מאַנופעקטוריסטען האָבען זיי געהייסען, ווארום פאַבריקען אין איצטיגען זינן זיינען נאָך ניט געווען) זאָלען האָבען וואָלוועלע אַרבייטס־קראַפט, האָט דיא רעגיערונג בעשטימט אַ מאַקסימום (דעם גרעסטען פּרייז, וועלכען קיינער האָט ניט געטאָרט איבערשטייגען) פון אַרבייטס־לוין, און האָט בעשטראָפט דיא יעניגע, סיי אַרבייטער, סיי פאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען פערזוכט דיזע טאַקסע צו העכערן. אָבער בכדי דער אַרבייטער זאָל קענען עקזיסטירען מיט זיין נידריגען לוין, האָט דיא רעגיערונג בעשטימט קליינע פּרייזען אויף די נאַהרונגס־מיטלען און האָט פערבאָטען אַרויסצופיהרען תבואות און גרינסען קיין אויסלאַנד. דיא גוטס־בעזיצער (פאַרמערס) זיינען איבערהויפּט זעהר אונטערדריקט געוואָרען, אין דער מערקאַנטיליסטישער פּעריאָדע. דיא גאַנצע זאָרג פון דיא רעגיערונג איז אַוועקגעלייגט געוואָרען צו שאַפען אַ געלד־בורזשואַזיע. דורך דעם פערבאָט צו נעהמען הויכע צינזען האָט דיא רעגיערונג פערלייכטערט דיא אונטערנעהמער צו בעקומען געלד. דער הויפּט־ציעל פון דיזע געזעצען איז געווען צו טרייבען דיא קאַפּיטאַליסטען אַליין צו פיהרען וועלכע

עס איז געשעפטען, ניט אָבער אָבצוגעבען אויף פּראָצענט דיא געלד. אום אויסצובעסערן דיא טעכניק האָט דיא רעגיערונג זיך געסטאַרעט אריינצובעקומען אויסלענדישע געלערנטע ארבייטער און ספּעציאַליסטען. דיא רעגיערונג האָט אַפּילו געהאַלטען ספּעציעלע געהיימע אַגענטען אין אויסלאַנד, וועלכע זיינען געווען פּערפליכטעט אויסצושפּיאָנעווען דיא נייע אויסבעסערונגען אין דער טעכניק.

כדי דיא אינדוסטריע־אונטערנעהמער זאָלען זיין פּערזאָרגט מיט ארבייטער, האָט דער מערקאַנטיליזם געזאָרגט דאַפיר, אַז דיא בעפעלקערונג זאָל גרעסער ווערן, און דורך פּערשיעדענע זכותים, פּריווילעגיעס, אונטערשטיצט דיא יעניגע, וועלכע האָבען יונג חתונה געהאַט און געהאַט א סך קינדער. אין קאָלבער'ס צייטען (אין דער צווייטער העלפט פון 17טען יאָהרהונדערט) איז אין פראַנקרייך געווען ארויסגעגעבען א געזעץ, וועלכער האָט בעפרייט פון אָבצאָהלונגען אויף 5 יאָהר דיא, וועלכע האָבען חתונה געהאַט ביז 21 יאָהר. דיא, וועלכע האָבען געהאַט 10 קינדער זיינען בעפרייט געוואָרען אויף שטענדיג פון אבצאָהלונגען. אזוי וויא דיא רעגיערונג האָט געוואָלט וויסען קלאָהר, וואָס עס טהוט זיך אין דער אינדוסטריע, האָט זיא אַלץ אונטערוואָרפען אונטער איהר אויפזיכט און האָט איבעראַל איינגעפיהרט א שטרענגע קאָנטראָלע. דער שליסעל פון אינדוסטריע און האַנדעל איז אין גאַנצען געלעגען ביי דיא רעגיערונג אין האַנד. דיא פאַבריק פאָרשריפטען האָבען ארומגענומען דיא קלענסטע זאַכען פון דער פּראָדוקציאָן: זיי האָבען פּינקטליך בעשטימט דיא געצייג מיט וועלכע מען זאָל זיך בענוצען, דיא זאָרט סחורות וואָס האָבען געדאַרפט אויסגעארבייט ווערן, וואָס פאַר א ליינג, ברייט, פאַרב די סחורה דאַרף האָבען. וואָס פאַר א זאָרט מיטלען די רעגיערונג האָט איבערהויפּט אָנגעווענדעט צו אונטערשטיצען דעם מסחר, קענען מיר זעהען פון פאָלגענדע ביישפּיעלע. אין יאָהר 1563 האָט דיא ענגלישע קעניגין עליזאַבעטה, ארויסגעגעבען א געזעץ ניט צו עסען קיין פלייש צוויי טעג אין וואָך כדי דערמיט אונטערצוהאַלטען דעם פיש־פאַנג. אין יאָהר 1666 איז אין ענגלאַנד ארויסגעגעבען געוואָרען א געזעץ אז מען זאָל א בר מינן דוקא בעגראָבען אין וואָלענע תכריכים. דערמיט האָט דיא רעגיערונג געוואָלט אונטערהאַלטען דיא וואָל־מאַנופעקטור און פאַר דעם עובר זיין דעם געזעץ האָט מען שטריינג בעשטראָפט.

איבערהויפּט האָט דער מערקאַנטיליזמוס געשטרעבט דערצו, אז דיא רעגיערונג זאָל פון אַלץ וויסען און אז זיא זאָל זיך אריינמישען אין עקאָנאָמישען לעבען פון לאַנד, ווייל נור זיא איז, לויט דער מערקאַנטיליסטישער שיטה, אימשטאַנדע צו רעגולירען און צו בעשטימען דעם גורל פון לאַנד. אזא אפטרופּסות איז אין אַנפאַנג, ווען דער קאַפּיטאַליזמוס איז יונג, ניט ענטוויקעלט, געווען זעהר ניציליך. שפּעטער אָבער, ווען דער קאַפּיטאַליזמוס איז אויסגעוואַקסען, געוואָרען שטאַרק, איז דיא אפטרופּסות פערוואַנדעלט געוואָרען אין שווערע קייטען, וואָס האָבען נור געשטערט דער ענטוויקלונג.

כדי דיא סוחרים פון לאַנד זאָלען זיין געזיכערט, דאָס זיי וועלען האָבען ערטער, וואָהין צו פּערווענדען זייערע סחורות און ניט זיין אָבהענגיג פון אויסלאַנד, האָט יעדע רעגיערונג געשטרעבט צו האָבען וואָס מעהר קאָלאָניעס איבערן ים. אזוינע קאָלאָניעס האָבען געבראַכט א דאָפּעלטען נוצען. ערשטענס האָבען זיי געדיענט אַלס א גוטער מאַרק פאַר דיא פאַרטיגע סחורות פון מעטראָפּאָל (הויפּטלאַנד); צווייטענס האָבען זיי געליפערט רויהע מאַטעריאַל צום איבעראַרבייטען. דיא קאָלאָניען האָבען ניט געהאַט דאָס רעכט צו פערקויפען איר־גענד וואו אַנדערש דיא רויהע מאַטעריאַלען און אויך ניט דאָס רעכט צו קויפען ביי אַנדערע פאַרטיגע סחורות. דאָס איז געווען שטרענג פערבאָטען. אין יאָהר 1651 האָט דער ענגלישער מיניסטער קראָמוועל ארויסגעגעבען א געזעץ וואָס איז בעוואוסט אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען „נאַוויגאַציאָן אַקט“ (שיפּפאַהרטס געזעץ). דיעזער געזעץ פאָדערט, אז אריינפיהרען און ארויספיהרען סחורות פון דיא ענגלישע קאָלאָניען האָבען נאָר געמעגט ענגלענדער און דוקא אויף ענגלישע שיפען. דאָס איז געווען געטהאָן כדי זיך צו פערזיכערן געגען דער קאָנקורענץ פון דיא אויסלענדישע סוחרים און סחורות.

דיא קאָלאָניאַל פּאָליטיק, ד. ה. דיא פּאָליטיק אריינצוכאַפּען וואָס מעהר נייע קאָלאָניעס, איז אַם שטאַרקסטען געווען ענטוויקעלט אין דאַמאָלסדיגע פּעריאָדע. דיעזע פּאָליטיק האָט געהאַט אויך גוטע זייטען. זיא האָט געפיהרט צ. ב. אויסצובעסערן דיא בויאונג פון שיפען, וועלכע האָט דאַמאָלס עררייכט א גרויסע שטופּע פון ענטוויקלונג.

אזא פּאָליטיק האָט געטריבען יעדער שטאַאט בעזונדער. יעדער שטאַאט האָט געוואָלט אז אויפ'ן אינלענדישען און אויסלענדישען מאַרק זאָלען נור הערשען זיינע סוחרים און מאַנופאַקטוריסטען. דיא בעציהונגען פון איין שטאַאט צום צווייטען זיינען געווען זעהר פיינדליכע. דיא קאָלאָניאַל פּאָליטיק האָט דיזע בע־

ציהונגען נאָך מעהר פערשאַרפט. עס פלעגען זעהר אָפט פּאַרקומען רייסערייען און מלחמות. די מלחמות זיינען געפיהרט געוואָרען ניט נור צווישען פערשיעדענע לענדער נור אויך צווישען די צענטראַלע רעגיערונגען און זייערע איינ־צעלנע, „אונטערטהעניגע" פירסטען. יעדע רע־גיערונג האָט געזאָרגט אָבצונעהמען די מאַכט פון די פעאָדאַלען און צענטראַליזירען דאָס אין איין אָרט — אין די הענד פון דער לאַנדעס־רעגיערונג. און אויף אַזאַ אופן האָבען זיך אין יענער צייט אַזוי שטאַרק ענטוויקעלט די גרוי־סע פעראייניגטע און צענטראַליזירטע נאַציאָנאַ־לע שטאַאַטען.

איצט קענען מיר מאַכען אַ סך הכל און איבערגעבען אין קורצען די יסודות פון דער מערקאַנטיליסטישער פּאָליטיק.

1) די איבערצייגונג, אַז די רייכטהום פון לאַנד ווענדעט זיך אָן די סומע געלד, אַז געלד האָט דעם אמת'ן ווערטה פאַר אַ לאַנד, אַליין פאַר זיך, ניט נור אַלס מיטעל צו קויפען סחורות.

2) פּראָטעקציאָניזמוס. די פּאָליטיק צו באַשיצען אייגענע סחורות און סוחרים דורך הויכע אָבצאַהלונגען (צאָהל־טאַריף), און דורך אַנ־דערע מיטלען, דאָס האָט געפיהרט צו נאַציאָנאַ־ליסטישע און שאָוויניסטישע שטרעבונגען.

3) קאָלאָניאַל פּאָליטיק. דורך דעם האָט זיך פערשטאַרקט די ענטוויקלונג פון שטאַאַט אַלס גרויסע מיליטער מאַכט אויפען ים און אויף דער יבשה.

4) די מיינונג, אַז דער גאַנצער גורל פון די פעלקער ליגט אין די הענד פון דער רעגיע־רונג, וועלכע קען קינסטליך בערייכערן און פער־אַרעמערען די בעפעלקערונג מיט הילף פון גע־וויסע געזעצען. דאָס האָט געפיהרט צו די אַפּוטראָפּסות, צו דעם אַז די רעגיערונגען זאָ־לען זיך אריינמישען אין אויסערליכען האַנדעל און אויך אין אינערליכען לעבען פון די פעלקער.

5) דער אונטערגאַנג פון אָבגעזונדערטע פעאָדאַלע הערשאַפט און די ענטשטעהונג פון גרויסע נאַציאָנאַלע ענטוויקעלטע שטאַאַטען מיט אַ שטרענג צענטראַליזירטער מאַכט.

אין אַלגעמיין קען מען זאָגען, אַז מערקאַנ־טיליזם איז געווען מעהר אַ פּאָליטיש־פּראַקטישע סיסטעם, איידער אַ טהעאָרעטיש בעגרינדעטע לעהרע. דער מערקאַנטיליזם האָט געהערשט אין אייראָפּאַ אַן ערך פון דריי הונדערט יאָהר: פון דער ענטדעקונג אַמעריקאַ'ס ביז'ן 18טען יאָהר־הונדערט. די בעדייטענדסטע פּאָליטי־קער, וועלכע האָבען דורכגעפיהרט אין לעבען די־זע סיסטעם זיינען געווען אין פראַנקרייך: דער פינאַנס מיניסטער פון לודאָוויק דעם 14־טען קאָלבער; אין ענגלאַנד דער בעריהמטער קראָמוועל; אין איטאַליען — מאַקיאַוועלי.

די בעדייטענדסטע שרייבער וואָס האָבען געשריבען ווערק אין מערקאַנטיליסטישען גייסט זיינען געווען: אין איטאַליען אַנטאָניאַ סעררא (1613 ערשיענען זיין הויפּטווערק) און אין דער שפּעטערדיגער צייט אַנטאָניאַ דזשענאָוועזי (1760). אין ענגלאַנד: טהאָמאַס מען (2 הויפּט־ווערק 1609 — 1664), און דזשאָזיאַ טשאַילד (1688—1690). אין פראַנקרייך: פראַנסאָאַ מע־לאָן (1731) ל. פאָרבאָנע (1754). אין דייטש־לאַנד: לודוויג פאָן סעקענדאָרף (1655), יאָהאַן בעכער (1668) און וו. פאָן שרעדער (1686).

א. ש. זאקס.

דיא מעכאנישע אדער דינאמישע טהעאריע פון ווארעמקייט

די מעכאנישע*) אדער דינאמישע*) טהעאריע פון ווארעמקייט נעהמט אן, אז ווארעמקייט איז ניט קיין שטאף, ניט קיין חומר, ניט קיין מאטעריע, נור א געוויסער צושטאנד, א בעשטימטע פארם, אין וועלכער די אדער יענע מאטעריע געפינט זיך, אזא מין קראפט, אזא ארט בעוועגונג.

דער בעקאנטער דאקטאר יוליוס מייער, דער, וועלכער עס האט אוועקגעלעגט דעם ערסטען פעסטען גרונדשטיין צו דער מעכאנישער היפאטעזע, איז, ווי א'ן אמת'ער וויסענשאפטליכער נאטורפארשער, געווען זעהר און זעהר פארזיכטיג און זיך מורא'דיג געהיט, ער זאל חלילה אויפ'ן טויזענדסטען פאל קיין פאלשען טריט נישט מאכען. אנשטאט ארויסצוטרעטען מיט א ברייטקייט און מיט א געמאכטער זיכערהייט און געוויסקייט.

איך קאן זיך ניט אבזאגען ניט צו ברענגען די גאלדענע ווערטער, מיט וועלכע ער געהט צו צו זיין אמת־גרויסער ערפינדונג—צו דער גלענצענדער „מעכאנישער טהעאריע פון ווארעמקייט“.

„דער וויכטיגסטער, אויב ניט דער איינציגער וועג פאר א גענויען וויסענשאפטליכען נאטורפארשער — שרייבט מייער — בעשטעהט אין דעם, אז ער מוז תמיד געדענקען און אויך איין ווילע ניט פערגעסען זיין הייליגען חוב אלס נאטורפארשער: קודם כל גענוי צו בעטראכטען די נאטור־ערשיינונגען פון אלע זייטען, און ערשט נאכדעם זוכען זייער ערקלערונג, זייער העכערע סבה. אויב וועלכער ס'איז ערשיינונג גוט און פון אלע זייטען ארומגעקוקט או ארומגעטראכט געווארען, איז זי שוין דערמיט גופא ערקלערט געווארען, און דער נאטורפארשער איז שוין דערמיט אליין יוצא.

„זאלען קלוגע קעפ דאס אנרופען בעל־הבית'שע תמימות אדער זאגאר עם־הארצות, זאלען פרובירען עס אבלייקענען, מיט וועלכע מיטלען זיי ווילען — עס איז קיין שום ספק ניט, אז ביז גאר דער לעצטער צייט איז דער דאזיגער ריכטיגער וועג כמעט אין גאנצען פערווארפען און פעלאזען געווארען, און דורך אלערליי קונציגע המצאות און אויבער־סברות, האבען אפילו די בעסטע און שארפסטע קעפ געוואלט דוקא אויפהייבען זיך אין דער הויך איבער די פאקטען, אנשטאט זיך אראבצולאזען אונטען צו זיי, צו די פשוט'ע פאקטען. אלע די דאזיגע המצאות, סברות און השערות האבען דערווייליגע געגעבען נישט מעהר ווי פוסטע בליהונגען און ניט קיין פירות“.*)

בעטראכטענדיג „גוט און פון אלע זייטען“— נאך זיין אייגענעם רעצעפט די „פשוט'ע פאקטען“ פון ווארעמקייט, האט ער בעמערקט, אז א געוויסער סכום, א געוויסע קוואנטיטעט ווארעמקייט, קען געבען ביי געוויסע אופנים א בעשטימטען סכום ארבייט; און פערקעהרט, א געוויסע קוואנטיטעט, א געוויסע סכום ארבייט קען אריבערגעהן אין א געוויסען סכום ווארעמקייט. דערפון האט ער ריכטיג גערדרונגען, אז ווארעמקייט און ארבייט שטאמען ביידע פון איין מקור, אז זיי זיינען ביידע ניט אנדערש ווי פערשידענע פארמען פון בעוועגונג, אז זיי זיינען נישט מעהר ווי צוויי בעזונדערע געשטאלטען פון איין עצם (קראפט). נור איידער איך וועל בעשרייבען, וואס פאר א מין בעוועגונג ווארעמקייט איז, וויל איך קורץ נאך ערקלערען, ווי אזוי מען בעשטימט דעם „סכום־ווארעמקייט“ און דעם „סכום־ארבייט“, וועגען וועלכע איך האב דא איינציגע מאל דערמאהנט.

די ווערטער „סכום־ארבייט“, „סכום־ ווארעמקייט“ קענען זיכער דעם ניט געניטען לעזער פער־

*) מעכאנישע, מעקאניק נעהמט זיך פון דעם גריעכישען ווארט „מעכאנע“, וואס הייסט מאשינע, אדער בכלל בעוועגונג; דינאמישע, דינאמיק שטאמט פון דעם גריעכישען ווארט „דינאמוס“, וואס הייסט קראפט.

*) בעמערקונגען איבער דעם מעכאנישען ווערטה פון ווארעמקייט פון מייער.

פיהרען אין א טעות; אזא לעזער קען מיינען, אז מען קען זיי מעסטען, וועגען אדער צעהלען פונקט אויף אזא אופן, ווי מען מעסט, וועגט און צעהלט לייוווענד, קארן אדער אייער, ד. ה., אזוינע מינים וואס האבען אין זיך א וועלכע עס איז ממשות. איך וויל דאריבער נאך און נאך אמאל איבערחזר'ן, אז ווארעמקייט, ווי ארבייט, זיינען אזוינע מינים, וועלכע עס האבען אין זיך קיין שום ממשות און דעריבער קען מען זיי אויך ניט מעסטען און וועגען מיט א מעטער אדער א קילאגראם — אבער דאך האבען זיי א געגויע מאס, דורך וועלכע זיי קענען פּינקט־ליך געמאסטען ווערען.

דער לעזער האט נאך זיכער ניט פערגעסען, ווי אזוי מען מעסט קראפט. קראפט איז אויך א „דבר שאין בו ממש“, אויך א רוחניות, אזוי ווי ארבייט, ווארעמקייט, א. ד. גל., און דאך האבען מיר געפונען פאר קראפט אזא ריכטיגע און גע־נויע מאס, ווי א ליטער פאר וויין, אדער וואסער למשל. מיט דערזעלביגער „אבסאלוטער מאס“ קענען מיר אויך מעסטען ווארעמקייט און ארבייט.

וואס איז אזוינס ארבייט?

ארבייט הייסט ביי־קומען, מנצח זיין יעדע שטערענים, וועלכע די קראפט טרעפט אז אויף איהר וועג.

אלע ווייסען, אז אהן קראפט קען מען ניט ארבייטען. ארבייט אהן קראפט איז א זאך, וואס עס קען אין דער וועלט ניט זיין. קראפט קען אבער זיין אויך אהן ארבייט, „פּוסטע קראפט“; למשל א טייך, וואס פליסט און טרייבט ניט קיין וואסער־מילען, ניט קיין עלעק־טרישע מאטארען, א. ז. וו. איז א קראפט אהן ארבייט; א ווינד, וואס בלאזט און דרעהט ניט קיין ווינד־מילען, טרייבט נישט קיין זעגעל־שיפען, ברעכט ניט קיין בוימער, רייסט ניט ארונטער קיין דעכער, אזא ווינד איז ווידער א קראפט אהן ארבייט; לאזט א מאשין לויפען, די רעדער דרעהען ניט פּראדוצירענדיג דערביי קיין שום פּראדוקט, איז דאס ווידער „פּערלא־רענע קראפט“, קראפט אהן ארבייט.*)

דאס וואסער, אדער ריכטיגער, די וואסער־קראפט פּראדוצירט ארבייט ערשט דאמאלס, ווען זי בעגעגענט אויף איהר וועג א שטערענים, ווי למשל, א מיהל־ראד מיט די ברעטלעך, וואס שטעקען אין וואסער און לאזען איהם ניט פריי און פראנק פליסען. די וואסער־קראפט מוז אלזא ביי־קומען די שטערעניש פון דעם מיהל־ראד אום איהם צו דרעהען, ד. ה., אום צו שאפען ארבייט.

דאס זעלבע פּאסירט אויך ביי דעם ווינד, וועלכען די זעגלען, די בוימער אדער די דעכער שטערען זיין וועג; ביי דער מאשין, וואו די קלעצער, דאס אייזען, אדער וועלכער ניט איז אנדער מאטעריאל שטערען די רעדער אין זייער גאנג אין דער ווינד, אדער די ווינד־קראפט, די מאשין אדער די דאמפפקראפט, מוזען די שטע־רענישען ביי־קומען אויף זייער וועג, אום צו פּראדוצירען ארבייט.

מיר זעהען דערפון, אז ארבייט איז דאס ביי־קומען פון שטערעני־שען דורך קראפט.

דערפון איז לייכט צו פערשטעהען, אז וואס גרעסער די קראפט איז, אלץ מעהר ארבייט קאן זי אויפטאן. אין די אויבענדערמאַנטע ביי־שפּיעלען למשל, וואס שטארקער דער וואסער־שטראם פון דעם טייך איז, וואס שטארקער דער ווינד בלאזט א. ז. וו., אלץ מעהר ארבייט קענען זיי פּראדוצירען.

דאס איז איינס.

צווייטענס, וואס גרעסער די שטערעניש איז, וועלכע די קראפט טרעפט אויף איהר וועג, אלץ גרעסער מוז זיין, פערשטעהט זיך, די קראפט, וועלכע ס'זאל האבען ביכולת זי ביי־צוקומען — און ווידער טאקי אלץ גרעסער וועט, סוף כל סוף, זיין די ארבייט, וועלכע עס'וועט דערביי געמאכט ווערען.

נעהמען מיר ווידער אונזערע ביישפּיעלען: וואס שווערער דאס מיהל־ראד איז, אלץ שטאר־קער מוז זיין דער וואסער־שטראם, וועלכער זאל עס קענען דרעהען — אלץ מעהר ארבייט ווערט דערביי געשאפען; א גרעסערער שטראם מיט א גרעסער ראד מאהלען, למשל, מעהר מעהל איידער קלענערע. וואס שטארקער דער שטאם,

---

*) באמת געזאגט, איז אין די אלע אויבענדער־מאַנטע פאלען אויך ניט אבסאָלוט קראפט לגמרי אהן אַרבייט; דאָס איז נור מעגליך אין א רוים, וואו קיין לופט איז ניטאַ, אבער פאַר אונז זיינען דאס אויך גוטע ביישפּיעלען.

וואס טיפער די ווארצלען פון דעם בוים זיינען, אלץ שטארקער מוז זיין דער ווינד כדי זי צו קענען איינוואַרפען — אלץ מעהר ארבייט ווערט דערביי לסוף געשאפען, א. ז. וו. א. ז. וו.

בעשטימען מיר א בעקאנטע קראפט און א בעקאנטע, געוויסע, שטערעניש אלס איינהייט, דאמאלס האבען מיר א מאס פאר ארבייט, כדי אויפצוהייבען א משא פון א קילאָגראם דארף מען האבען א געוויסע קראפט — דאס איז אלץ איינס צי איהר וועט עס אויפהייבען מיט אייערע הענד, מיט דער קראפט פון א פערד אדער פון א מאַשין—, וואס העכער איהר וועט איהם הייבען, אלץ מעהר קראפט מוזט איהר אנווענדען, כדי בייצוקומען די שטערעניש פון דעם כח המישך, פון דער צוציהונגס־קראפט, מיט וועלכער די ערד ציהט דאס קילאָגראם צו זיך.

וואס שאפט איהר אלזא ביי דעם הייבען פון דער משא אין דער הויך? — ארבייט.

און וואס שווערער די משא און וואס העכער איהר ווילט זי הייבען, אלץ מעהר ארבייט שאפט איהר דערביי.

נעהמען מיר איצט א בעשטימטע משא און א בעשטימטע הויך, דאן האבען מיר אונזער געזוכטע מאס פאר ארבייט. און אזוי טהוען מיר טאקע.

די ארבייט, וועלכע עס ווערט אבגעטהאן ביי דעם אויפהייבען פון איין קילאָגראם אויף דער הויך פון איין מעטער, דאס איז ארבייטס־איינהייט, די מאס מיט וועלכער מיר מעסטען, ד. ה. פערגלייכען אלע אנדערע ארבייטען. (וויל מיר קענען יעדע אנדערע ארבייט, ווי דרעהען, מאלען, רייבען, שטויסען, רייסען, טאקען, שניצען, א.ז.וו. צוריקפיהרען אויף די פשוט'ערע ארבייט פון הייבען א בעשטימטע משא.)

די דאזיגע ארבייטס־איינהייט הייסט: קילאָגראם־מעטער*) זאגט איהר למשל, אז די און די מאשינע קאן פראָדוצירען, למשל, 1000 קילאָגראם־מעטער, הייסט עס, אז זי האט בכח אויפצוהייבען 1000 קילאָגראם איז דער הויך פון איין מעטער, אדער 2 קילאָגראם אויף דער הויך פון 500 מעטער, אדער 10 קילאָגראם אויף דער הויך פון 100 מעטער א.ז.וו., א. ז. וו. מיט איין ווארט, די משא געכופל'ט מיט דער הויך זאלען געבען די צאהל 1000 קילאָגראם־מעטער.

דערמיט האבען מיר אלזא בעשטימט די איינהייט פאר ארבייט. און איצט וועלען מיר אויך בעשטימען די איינהייט פאר ווארעמקייט, כדי צו קאנען זיי נאכדעם פערגלייכען איינע מיט די אנדערע.

כדי אנצו־ווארעמען א וועלכען־עס־איז קערפער, למשל א שטיק אייזען, בליי, גלאז, אדער א געוויסע קוואנטיטעט פליסיגקייט, ווי למשל וואסער, וויין, בוים־אייל, א. ד. גל., מוזען מיר דערביי פערברויכען א געוויסען סכום, אדער א געוויסע קוואנטיטעט ווארעמקייט. *)

וואס גרעסער דער קערפער איז, וואס מעהר משא (אדער אויך מאססע) ער האט איז זיך, אלץ מעהר ווארעמקייט מוזען מיר פערברויכען כדי איהם אנצו־ווארעמען.

דאס איז איינס.

יעדען קערפער קענען מיר אבער אנווארעמען פערשיעדען, למשל ביז 5 גראד, ביז 10, ביז 50 ביז 100 א. ז. וו. אדער, גענויער געזאגט, מיר קענען איהם אנווארעמען אויף פערשיעדענע טעמפעראטורען, אויף פערשיעדענע גראדען היץ.

עס איז קלאר, אז וואס גרעסער עס איז די טעמפעראטור, אויף וועלכער מיר ווילען איהם אנווארעמען, אלץ גרעסער מוז זיין דער סכום־ווארעמקייט, וועלכען מיר מוזען פערברויכען. **)

---

*) עס עקזיסטירען אויך נאך אנדערע ארבייטס־איינהייטען ווי „ערג", „פפערדעקראפט", „וואט", א. ז. וו. אבער די געהערען ניט צו אונזער ספעציעלען ענין און מיר קענען זיי דעריבער דא ניט בעשרייבען.

*) די ווערטער „סכום", „קוואנטיטעט־ווארעמקייט" דארפען דעם לעזער ניט פערפיהרען אין טעות. ער מוז תמיד געדענקען, אז ווארעמקייט איז נור א בעוועגונג; נור אזוי ווי מיר קענען אויך זאגען „געוויסער סכום אדער קוואנטיטעט ארבייט" — און ארבייט איז דאך געוויס בעוועגונג — אזוי קענען מיר אויך זאגען „סכום" אדער „קוואנטיטעט" ביי ווארעמקייט.

**) די אויסדריקע „סכום־ווארעמקייט" און „טעמפעראטור" זיינען גאנץ פערשיעדענע און דער לעזער דארף זיי בשום אופן נישט פערבייטען איינעם מיט דעם אנדערען. איך וועל דאס ערקלערען דורך א פשוט'ען ביישפיעל: שטעקט אריין אזוי א הייסער גלאז טהעע, למשל, צוויי גלייך גרויסע לעפעלער, איינע אבער א זילבערנע די אנדערע א הילצערנע,

נעהמען מיר ביידע צוזאַמען, טאָ קומען מיר צו דעם פאָלגענדען שלום : וואַס גרעסער די מאַסע פון דעם קערפּער און וואַס העכער די טעמפּעראַטור אַלס מעהר וואַרעמקייט מוזען מיר פערברויכען, כדי איהם צו דערוואַרעמען. און איצט ווע̆לען מיר טהון דאָס אייגענע, ווי מיר האָבען געטהון ביי דער בעשטימונג פון דער מאָס פאַר קראַפט און אַרבייט : מיר וועלען נעהמען אַ בעשטימטע מאַסע פון אַ געוויסען קערפּער אין אַ בעשטימטע טעמפּעראַטור, אָדער אַ בעשטימטען גראַד־היץ און אויף אַזאַ אופן וועלען מיר אויך בעקומען איין איינהייט, אַ מאָס פאַר וואַרעמקייט.

דעם סכום־וואַרעמקייט, וועלכען מיר מוזען האָבען, כדי אַנצוּוואַרעמען אַ גראַם וואַסער אויף איין גראַד. (נאָך דעם טערמאָמעטער פון צעלזיוס.) דאָס איז די איינהייט, די מאָס וואַרימקייט.

די דאָזיגע איינהייט, אָדער „וואַרעמע־איינהייט“, הייסט „קאַלאָריע“. מיר קענען נאָך דעם זאָגען : דער און דער קערפּער מוז האָבען אַזוי פיעל און אַזוי פיעל קאַלאָריען, כדי צו דערגרייכען צו דער און דער טעמפּעראַטור.

איך קאָן זיך לענגער ניט אָבשטעלען אויף דעם ענין פון טעמפּעראַטור און קאַלאָריע; אַ וועלכע־עס־איז השגה האָט שוין דער לעזער דערפון, און פאַר אונזער טהעמאַ וועט עס קלעקען. איך געה אַלזאָ איבער צו דעם פערגלייך צווישען די סכומים פון אַרבייט און וואַרעמקייט.

דאָקטאָר מייער, און נאָך איהם אַ פולע אַנדערע געלעהרטע, האָבען געפונען דורך זעהר פיעל פערשיעדענע פּראַקטישע עקספּערימענטען און מאַטעמאַטישע בערעכנונגען, אַז כדי צו שאַפען אַ קאַלאָריע, (ד. ה., אַזוי פיעל וואַרעמקייט וויפיעל מען מוז האָבען אום אונצו־וואַרעמען איין גראַם וואַסער אויף איין גראַד היץ) מוז מען פערברויכען פיער הונדערט און פיער און צוואַנציג קילאָגראַם־מעטער (ד. ה. די אַרבייט, וועלכע עס איז נויטיג אום די משא פון איין קילאָגראַם אויפצוהעבען אויף 424 מעטער אין דער הויך); און די זעלביגע זאַך אויך פערקעהרט : אום צו שאַפען 424 קילאָגראַם־מעטער אַרבייט מוז פערברויכט ווערען איין קאַלאָריע וואַרעמקייט.

דורך די דאָזיגע צאָהלען, וועלכע מען האָט געפונען דורך עקספּערימענטען *) איז די מעכאַנישע טהעאָריע אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויף אַ זיכערען און פעסטען פונדאַמענט.

ביי די געוועהנליכע דאַמפף־מאַשינען קומט פאַר דער בייט פון וואַרעמקייט און אַרבייט טאָג־

וועט איהר מערקען, אַז דאָס זילבּערנע האָט זיך שטאַרקער אָנגעוואַרעמט אַלס דאָס הילצערנע, הגם זיי האָבען ביידע בעקומען דעם גלייכען סכום־וואַרעמקייט פון דער זעלביגער גלאָז טהעע אין דער זעלביגער צייט; זייערע טעמפּעראַטורען אָבער זיינען פערשיעדען : דאָס הילצערנע איז קעלטער אַלס דאָס זילבּערנע. מיר זעהען אַלזאָ, אַז „טעמפּעראַטור“ און „סכום־וואַרעמקייט“ זיינען ניט איין זאַך. פאַרוואָס דאָס זילבּערנע האָט זיך דורך דעם זעלביגען סכום וואַרעמקייט שטאַרקער אָנגעוואַרעמט אַלס דאָס הילצערנע, ד. ה. געקראָגען אַ העכערע טעמפּעראַטור, דאָס איז דערפאַר ווייל איהר מאַטעריאַל איז אַ׳ן אַנדערער, און יעדער קערפּער, יעדע מאַטעריע האָט איהר ספּעציעלע אייגענשאַפט : איינע וואַרעמט זיך אָן דורך דעמזעלביגען קוואַנטיטעט וואַרעמקייט שטאַרקער, די אַנדערע—שוואַכער. מען רופט דאָס וויסענשאַפטליך : „ספּעציפישע וואַרעמקייט“; און יעדער קערפּער האָט זיך זיינע בעשטימטע „ספּעציפישע וואַרעמקייט“. דאָס איז אַלזאָ פערבּייגעהענדיג.

*) צו בעשרייבען גענוי אַלע עקספּערימענטען איז אונמעגליך אין אַ פּאָפּולערען אַרטיקעל. איך וויל דעריבער בעשרייבען נור איינעם, אַ פּשוט׳ערן, מען לאָזט פאַלען אַ געוויסע משא פון אַ בעשטימטער הויך אויף אַ ראָד, וועלכע עס קאָן זיך דרעהען אויף איהר אַקס. דאָס ראָד געפינט זיך אין אַ קאַסטען מיט וואַסער; דורך דעם פאַל פון דער משא אויף דאָס ראָד, (אָדער די רעדער, אויב זיי זיינען דאָ עטליכע) הייבען זיי זיך אָן צו דרעהען, און דורך דעם וואַרעמט זיך אָן דאָס וואַסער אין קאַסטען. און אַזוי ווי מיר ווייסען וויפיעל משא דער פאַלענדער קערפּער האָט אין זיך און פון וואַס פאַר אַ הויך ער פאַלט אַרונטער, קענען מיר דערפון אויסרעכענען די קילאָגראַם־מעטער אַרבּייט, וועלכע ער שאַפט פאַלענדיג, און צווייטענס ווייסען מיר אויך וויפיעל וואַסער און אויף וויפיעל גראַד ער האָט זיך אָנגעוואַרעמט (ד. ה. וויפיעל קאַלאָרען עס זיינען דערביי ענטוויקעלט געוואָרען), ממילא קענען מיר בערעכענען וויפיעל קילאָגראַם־מעטער מען בּרויכט צוליעב איין קאַלאָריע. דורך דעם חשבון האָט מען געפונען די צאָהל 424.

טעגליך: די קוילען, וועלכע האבען אין זיך די ווארעמקייט אין א פערבארגענער פארם, אזוי צו זאגען בעהאלטענערהייט, געבען זי ארויס אין א'ן אפענער פארם ביים הייצען און קאכען פון וואסער: אין דאמפף אין דער הייסער דאמפף (די ווארעמקייט) געהט איבער ווידער אין מעכאנישע ארבייט, וועלכע עס טרייבט דעם לאקאמאטיוו, דעם דאמפף־שיף, אדער וועלכע ס'איז אנדערע מאשין.

די טעכניקער מוזען דעריבער וויסען די רעכ־נונג פון קילאגראם־מעטער אין קאלאריען, כדי אויך צו רעכענען וויפיעל קוילען מען מוז פער־ברויכען אום צו בעקומען אזוי פיעל און אזוי פיעל ארבייט.

אזוינע בייטען פון ווארעמקייט און ארבייט און אומגעקעהרט פון ארבייט אין ווארעמקייט, אין די אויבענדערמאהנטע ריכטיג אויסגע־רעכענטע צאהלען, קומט פאר כסדר, ווי אין דער נאטור גופא, אזוי אויך אויף פער־שיעדענע טעכנישע אופנים.

„וואס עס בייט זיך תמיד און רעגעלמעסיג איינם מיט דעם אנדערען -- שרייבט מייער — אין כסדר פעסטע און שטענדיגע צאהלען, דאס מוז אויך בעצם גליך זיין. ארבייט איז בעוועגונג, ממילא מוז ווארעמ־קייט אויך זיין בעוועגונג."

וואס פאר א בעוועגונג איז ארבייט, דאס וויסען מיר: א בעוועגונג פון קערפער, פון מאסען פון איין ארט צום צווייטען.

וואס פאר א בעוועגונג איז אבער ווארמקייט?

דארויף גיט אונז „די מעכאנישע אדער די־נאמישע טהעאריע" פאלגענדע תשובה: עס זיי־נען דא צוויי ארטען פון ווארעמקייט: 1) שטראהלענדע ווארעמקייט און 2) קערפער־ווארעמקייט.

שטראהלענדע־ווארעמקייט איז די ווארעמקייט, וועלכע עס געהט איבער פון דעם ווארעמען קערפער דורך א פוסטען רוים (א רוים, אין וועלכען קיין לופט איז אויך נישטא), ווי למשל די ווארעמקייט פון דער זונע, וואס קומט צו אונז פון זעהר זעהר ווייט, וואו קיין לופט געפינט זיך אויך נישט. די דאזיגע ווארעמקייט דערגרייכט צו אונז אויף אזא אופן, ווי דאס ליכט פון דער זונע, ד. ה. דורך אזא בע־וועגונג, (ווי אזוי דאס ליכט קומט צו אונז, ווע־גען דעם שפעטער אין דעם קאפיטעל: „ליכט".) און דעריבער קומט צו אונז די שטראהלענדע ווארימקייט מיט דיזעלביגע מהירות ווי דאס ליכט.

קערפער־ווארעמקייט איז די ווארעמקייט, וועלכע עס געהט איבער פון איין קערפער צום צווייטען דורך בעריהרונג מיט נאך א קערפער. אין דעם ווארעמען קערפער בעווע־גען זיך זיינע מאלעקולען, זיינע אייגענע קלענ־סטע טיילכעלעך, וועלכע מיר מענשען קענען אפילו אין א מיקראסקאפ נישט זעהען. דורך דער בעוועגונג פון די דאזיגע טיילכעלעך (מאלעקולען) ענטשטעהט ווארעמקייט.

ארבייטען מיר, ד. ה., בעוועגען מיר קערפער פון איין ארט צום צווייטען, למשל בעת מיר ווארפען אראב א משא פון דער הויך אויפ'ן דיל, קאן די קראפט ניט לגמרי בטל ווערען און דעריבער ווארעמט זיך אן דער ארט, אויף וועל־כען די משא פארט ארויף, ד. ה., די בעוועגונג פון דעם קערפער (ארבייט) געהט אריבער אין בעוועגונג פון מאלעקולען (ווארעמקייט); און די זעלביגע זאך אויך אומגעקעהרט: בעוועגונג פון מאלעקולען (ווארעמקייט) געהט איבער אין בע־וועגונג פון גרויסע קערפער־מאסען (ארבייט) ווי אין דעם ביישפיעל פון דער דאמפף־מאשין.

און דאס מוז אזוי זיין. ווארום אזוי ווי קיין מאטעריע, קיין חומר קאן לגמרי ניט בטל ווערען, אזוי קאן אויך קיין קראפט, קיין ענערגיע לגמרי ניט בטול ווערען; זי קאן נור איבערגעהען פון איין פארם אין דער צווייטער: פון ארבייט אין ווארעמקייט למשל א. ד. גל. („דאס געזעץ פון ערהאלטונג פון ענערגיע", פון מייער).

דערפון זעהען מיר ווידער א ראיה צו דער „מעכאנישער טהעאריע". די ביידע טהעאריען („די ערהאלטונג פון ענערגיע„ און די מעכאני־שע טהעאריע פון ווארעמקייט") שטיצען אלזא איינע די אנדערע. ווען מיר ווארפען א בליק צוריק אויף אונזערע האלב־ווילדע אבות אבותינו און מיר בעטראכטען דורך א וויסענשאפטליכע ברילע ווי אזוי זיי האבען בעקומען זייער ער־שטען פייער (דורך רייבען פון צוויי שייט האלץ איינע אין די אנדערע), דאן זעהען מיר, אז די ביידע דערמאהנטע, זעהר און זעהר וויכטיגע טהעאריען האבען פאקטיש עקזיסטירט אין זיי־ער האלב ווילדען צושטאנד, כאטש זיי האבען גע־דארפט פיעלע טויזענדער יאהרען אום דאס גענוי און וויסענשאפטליך צו פערשטעהען.

דר. י. בלומשטיין.

מיטלען געגען ארבייטסלאזיגקייט

1.

ווער איז שולדיג אין דעם, וואָס אזוי פיעל מענשען געהען ארום אָהן ארבייט? וויא אזוי קומט עס, אז ארבייטסלאָזיגקייט איז אזוי פאר־שפרייט, איז אזא איינגעגעסענע סאָציאלע קראנק־הייט? און ווער דארף טראָגען דיא פאָלגען דערפון? דיא פראגען מוזען פארענטפערט ווע־רען, איידער מען מאכט דעם ערשטען טריט צו אונטערזוכען, וועלכע רפואות, וועלכע מיטלען מען קען און דארף אָננעהמען געגען דער מכה.

אפילו צווישען דיא פארביסענסטע שונאים פון דער ארבייטער קלאַס און רעאקציאָנערען מיט שכל, זיינען דאָ וויינעיגע וואָס זאָלען זאָגען ערנסט און עהרליך, אז דיא ארבייטער אליין זיינען שולדיג אין דעם וואָס זיי געהען ארום אָהן ארבייט.

ווער ווייס נאָך אזוי גוט, וויא יעדער קאַ־פיטאליסט, אונטערנעהמער און פאבריקאנט, אז דיא ארבייטער זוכען ארבייט, אז אויף יע־דער געפאָדערטען ארבייטער קומען אָן צעהנ־דליגע אָדער מעהר קאנדידאטען? ווער ווייס נאָך אזוי גוט, וויא זיי, אז ביי יעדער קלענסטער ענדערונג אין דיא צושטענדע פון וואארענ־מארקט ווארפען זיי אליין ארויס טויזענדע און אבערטויזענדער ארבייטער אויפ'ן גאס און זיי האלטען גאַר ניט פאר נויטיג דיא ארבייטער אפילו מתריא צו זיין! ווער ווייס נאָך אזוי גוט וויא דיא קאפיטאליסטען אליין, אז יעדער פאָרטשריט אין דער טעכניק און מאשינעריע „בעפרייט" טויזענדער ארבייטער פון זייערע שטעלעס!

דיא ארבייטער און דיא קאפיטאליסטען, זיי אלע ווייסען אלזאָ גאנץ גוט, אז דיא אר־בייטער זיינען נור קרבנות פון דער ארבייטס־לאָזיגקייט, ניט אָבער דיא שולדיגע, ניט דיא אורזאכע פון דער מכה. און אזוי וויא דיא אר־בייטסלאָזיגקייט קומט ניט פון פוילקייט פון דיא ארבייטער, אזוי קומט זיא אויך ניט פון דיא שלעכטסקייט פון דיא קאפיטאליסטען.

דיא אורזאכען פון דיזער סאָציאלער קראנק־הייט ליעגען טיעף איינגעוואָרצעלט אין תוך פון דער עקזיסטירענדער געזעלשאפטליכער סיסטעם. דיא קאפיטאליסטען זיינען נור דער בייטש, דיא ארבייטער דיא געשמיסענע.

דיא טהיילונג פון דער געזעלשאפט אין קלאַסען ברייננגט דערצו, אז דער ארבייטער ווערט א „סחורה", וועלכע מען קויפט בעת מען דארף איהר, און וועלכע קען פארלעגען ווערען בעת מען דארף איהר ניט.

דיא עקזיסטענץ פון פריוואט אייגענטהום אויף דיא פראָדוקציאָנסמיטלען. ד. ה. דאָס וואָס אלע סחורות ווערען געשאפען ניט מיט דעם צוועק צו ערפילען דיא בעדירפניסע פון דיא מענשען נור צוליעב דעם פראָפיט פון איינינע מענשען, פון דיא אונטערנעהמער, ברייננגט דערצו, אז דיא „מענשליכע סחורה" דיא ארבייטער ווערען איבעריג ניט דאַן, ווען די געזעלשאפט האט שוין בעפריעדיגט איהרע בעדירפניסע, ווען זיא נויטיגט זיך מעהר ניט אין קיין סחורות, נור דאַן, ווען עס לוינט זיך ניט פאר'ן קאפיטאליסט צו שאפען סחורות.

דיא פיהרונג פון דער פראָדוקציאָן דורך איינצעלנע מיט איינאנדער קאָנקורירענדע פריי־וואט־אונטערנעהמער, וועלכע ווייסען ניט איינע פון דיא אנדערע, וועלכע שאפען בלינדערהייט אין פערשיעדענע לענדער, אָהן א חשבון פאר דעמזעלבען וועלטמארקט (אנארכיע פון דער פראָדוקציאָן) פיהרט דערצו, אז דער וועלט־

מאַרק ווערט פון צייט צו צייט איבערפילט מיט סחורות, וועלכע ער קען ניט פאַרדייען. דערפון קומט ארויס פון צייט צו צייט קריזיסען. און דיא קריזיסען רופען ארויס מאַסענהאַפטע באַנקראָטען, פון וועלכע דיא ערשטע און גרעסטע כפרה זיינען דיא ארבייטער.

און אפילו אין דיא „גליקליכע צייטען“, אין דיא צייטען פון „פּראָספּעריטי“ ליעגט דיא קראַנקהייט שוין בעצם פון קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס אופן. דער אייביגער הונגער פון דיא קאַפּיטאַליסטען נאָך פּראָפיט טרייבט זיי זייער גאַנצע מאַרך און ענערגיע אוועק צו לייגען אויף דעם, וויא אויסצוטראַכטען מיטלען דורך וועלכע מען זאָל קענען פון דיא ארבייטער ארויסקריעגען וואָס מעהר ארבייט, און וואָס אַ גרעסערען חלק פון אונבעצאָהלטע ארבייט. (פון „מעהר־ווערטה“) דיא טהיילונג פון דער ארבייט, דיא איינפיהרונג פון גרויסע אונטערנעהמונגען, דיא פערפאָלקאָמונג פון דיא מאַשינען, דאָס אַלץ און נאָך פיעל אַנדערעס זיינען מיטלען און וועגען דורך וועלכע דער חלק פון דיא אונטערנעהמער ווערט אַלץ פעטער, דיא קאַפּיטאַליסטען אַלץ גרעסער, דיא סחורות אַלץ מעהר, אָבער דיא לאַגע פון דיא ארבייטער אַלץ ערגער. „דיא פאַרמעהרונג פון קאַפּיטאַל, פאַרמעהרט אויף אזוי פיעל דעם עלענד, זיא רופט ארויס אַ רעזערווע ארמעע (אַ ארמעע פון ארבייטער וואָס האָבען ניט קיין ארבייט) (פערגלייך „קאַפּיטאַל“. באַנד 1 זייטע 611).

און דס איז נאָך ניט אַלץ. דיא שטרעבונג פון קאַפּיטאַל זיך שטענדיג צו פערמעהרען, קיין מאָל ניט צו רוהען בריינגט דערצו, אַז דיא קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט הייבט אָן צו פיהלען אַ כראָנישען, שטענדיגען איבערפלוס פון סחורות. דיא קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, ווערט אזוי צו זאָגען, דערשטיקט פון איהר אייגענע עשירות. און אויך דערביי זיינען דיא ערשטע און גרעסטע כפרה דיא ארבייטער.

אָט אויף אַזאַ אופן זעהען מיר, וויא ביידע פאָרמען פון דער סאָציאַלער קראַנקהייט וועלכע מען רופט ארבייטסלאָזיגקייט, איהר כראָנישע פאָרם (רעזערוו־ארמעע) און איהר געפעהרליכע פאָרם (קריזיסען) ליעגען אין עצם פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן, אין תוך פון דער עקזיסטירענדער געזעלשאַפטס אָרדנונג.

אויב דיא ארבייטער מאַסען וואָלטען עס אפילו ניט געוואוסט און פערשטאַנען, פאַרשטעהען און ווייסען עס אָבער דיא קאַפּיטאַליסטען זעהער גוט, ווארום זיי זיינען דאָך אין איצטיגער געזעלשאַפט דיא פיהרער פון דער אינדוסטריע און דיא פערוואַלטער פון דער געזעלשאַפטליכער עשירות, און זיי ווייסען דאָך — וויא געזאָגט — גאַנץ גוט, אַז זיי קענען ניט בעשעפטיגען אַלע ארבייטער און אַז זיי ווארפען ארויס אויפ׳ן גאַס טויזענדער און אבערטויזענדער פון זייערע ארבייטער ביי די ערשטע סמנים פון שטילשטאַנד אין אינדוסטריע און האַנדעל.

איבער בעפעלקערונג, קריזיס, ענדערונג אין דיא פּראָדוקציאָנס פערהעלטניסע, איינפיהרונג פון מאַשינען, פעראייניגונג פון אַ סך אונטערנעהמונגען אין איין האַנד (טראָסט), סעזאָן ארבייט, דאָס אַלץ זיינען דיא עקאָנאָמישע הויפּט־אורזאַכען פון ארבייטסלאָזיגקייט. עס קומען צו נאָך פּאָליטישע אורזאַכען, וויא, מיליטערישע און האַנדעלס קריעגען. עס קומען צו נאָך ריין עטליכע, לאָקאַלע אורזאַכען, וואָס רופען ארויס ארבייטסלאָזיגקייט.

דיא אַלע קוועלען פון ארבייטסלאָזיגקייט זיינען געזעלשאַפטליכע. זיי ליעגען ערשטענס אין דעם תוך פון דער איצטיגער געזעלשאַפטס־אָרדנונג. זיי ליעגען צווייטענס אין דיאבעזונדערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אומשטענדע פון אַ געוויסע לאַנד, אָדער אָרט, דיא אַלע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָרדנונגען און צושטענדע זיינען געשאַפען פאַר דיא אינטערעסען פון דיא הערשענדע קלאַסען, גיבען רייכטהום, מאַכט, וואוילטאָג און לוקסוס זיי, דיא אונטערדריקער, עקספּלואַטאַטאָרס און הערשער און ווערען דערפאַר אייפריג פערטהיידיגט פון זיי. דיא פּראָלעטאַריער אָבער, דיא גרויסע ארבייטער מאַסען האָבען אפילו אין דיא „גוטע“ צייטען נור קוים גענוג אויף חיונה בצער. און ווען דער רעדעל פון פּראָספּעריטי דערלאַנגט זיך איין קליינעם דרעה צוריק, דאַן קומט הונגער און שרעקליכע נויטה.

מען האָט געקענט פאָדערן פון דער געזעלשאַפט כאָטש אזוי פיעל רעכט און גערעכטיגקייט צו נעהמען אויף זיך דיא פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דיא פאָלגען פון איהרע צושטענדע. און אזוי וויא דיא ארבייטסלאָזיגקייט איז, וויא מיר האָבען געזעהען, אַ געזעלשאַפטליכע קראַנקהייט מוז דיא געזעלשאַפט און איהר אָרגאַן דער שטאַאַט זאָרגען, וויא ארויפצוּוואַרפען דיא לאַסט פון דער ארבייטסלאָזיגקייט אויפ׳ן כלל און איהר גערעכטער צו פערטהיילען צווישען דיא פערשיעדענע קלאַסען און גרופען פון דער בעפעלקערונג.

ווען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט וואָלט רעכט און גערעכטיגקייט געהאַט כאָטש וועלכע עס איז בעדייטונג, דאַן וואָלט געוועזען זעלבסט־פערשטענדליך, אַז דיא אַר־

בייטסלאָזע האָבען אַ רעכט צו פאָדערן פון שטאַאט שטיצע, צו פאָדערן ארבייט אָדער מיטלען צו לעבען און דיא צייטען פון ארבייטסלאָזיגקייט, וועלכע קומט ניט דורך דיא ארבייטערס שולד.

עס איז אָבער געשעהען גראַדע פאַרקעהרט. קיין איינציגער פון דיא עקזיסטירענדע שטאַאטען אין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ וויל פאַר קיין פאַל ניט אַנערקענען, אַז עס ליעגט אויף זיי אַ חוב צו זאָרגען פאַר דיא ארבייטסלאָזע, אַז דיא ארבייטער האָבען אַ רעכט צו פאָדערן, מען זאָל וואָס עס איזט טהון פאַר זיי.

אין דער לאַנד, וואו דיא ארבייטסלאָזיגקייט קומט פאָר עפטער און אין שטרענגערער פאָרם וויא אנדערסוואו, אין ענגלאַנד, האָט מען אָבגעשאַפט דיא הילף פון שטאַאט פאַר דיא ארבייטסלאָזע. און מען האָט עס געטהון גראַדע אין אַ צייט, ווען מען האָט געשאַפען דיא ערשטע ארבייטער־שוץ־געזעצען. פון יאָהר 1601 אָן האָט אין ענגלאַנד עקזיסטירט אַ געזעץ, וועלכע פערפליכטעט דיא קירכענגעמיינדען צו ערנעהרען זייערע אָרעמע מיטגליעדער, דיא קראַנקע און אַלטע האָבען געמוזט אריינגענומען ווערען אין באַגאַדעלנעס און פאַר דיא ארבייטסלאָזע האָט מען געמוזט שאַפען ארבייט אין עפענטליכע ווערקשטאַטען. אין יאָהר 1834 איז דער געזעץ געענדערט געוואָרען אַזוי ווייט, אַז פון איהם איז כמעט וויא גאָר ניט געבליעבען. דער שטאַאַט האָט זיך אין גאַנצען ענטזאַגט צו העלפען דיא ארבייטסלאָזע. זאָלען זיי געהען אין דיא פאַבריקען, האָט דער שטאַאַט געזאָגט. נור ווען זיי וועלען האַלטען ביים אונטערגעהען, דאַן זוכט מען זיי צו ראַטעווען, דורך דעם וואָס מען שיקט זיי אָפּ צו דיא בעלי־צדקה. כדי אַז דיא ארבייטער זאָל זיך ניט וועלען געהן אין דיא עפענטליכע ארבייטס הייזער האָט מען דאָרט גענומען בעהאַנדלען מיט אַ שוידערליכער אכזריות און געמאַכט פון דיא ארבייטסהייזער קאַטאָרזשנע הייזער.

אָט אַזוי איז געגאַנגען ביז אין דיא 80ער יאָהרען. קריזיסען זיינען געקומען, מענשען זיינען געפלאָגט געוואָרען טויזענדער־וויז מיט הונגער, דער שטאַאַט האָט זיך ניט געמיישט. עס איז ניט זיין זאַך. אין דיא 80ער יאָהרען האָט זיך אין ענגלאַנד אָבער גענומען בעוועגען דיא סאָציאַל דעמאָקראַטיע. און זיא האָט אויפגעהויבען אַ שטאַרקע אַגיטאַציאָן. דער איצטיגער מיניסטער און דאַמאַלסדיגער סאָציאַליסט דזשאָהן בוירנס האָט אין יאָהר 1886 ארויסגעפיהרט 50 טויזענד ארבייטסלאָזע אויף דיא גאַסען פון לאָנדאָן.

דיא הערשענדע קלאַסען האָבען זיך דערשראָקען און דיא רעגיערונג האָט געהייסען זיין ניט אַזוי „שטריינג" צו דיא אָרימע. מען האָט זיך גענומען פאַר „צדקה", מען האָט געשטילט אויף אַ ווײַלע דעם הונגער פון דיא ארבייטסלאָזע און זיי אויף אַ ווײַלע בערוהיגט.

אין דיא לעצטע 2 יאָהר האָבען דיא סאָציאַליסטען ווידער אויפגעהויבען דיא אַגיטאַציאָן נאָך שטאַרקער, נאָך מעכטיגער, אויך דיא נויטה איז געוואָרען גרעסער, דיא שטעדטע פערוואַלטונגען האָבען זיך אויך אריינגעמישט. ווידער האָט דיא „געזעלשאַפט" זיך דערשראָקען. און האָט צוגעזאָגט אַ געזעץ צו העלפען דיא ארבייטסלאָזע. מען האָט זאָגאַר אָנגענומען אַזאַ געזעץ, מען האָט געשאַפען קאָמיסיאָנען, וואָס זאָלען זעהען געבען ארבייט צו דיא ארבייטסלאָזע, מען האָט זיי עמפּפאָהלען צו גרינדען קאָלאָניעס פאַר דעם צוועק. מען האָט נור איין קליינינקייט פאַרפעהלט: געבען מיטלען פאַר דעם צוועק, דערפון האָט דער שטאַאַט זיך ענטזאָגט, דעם פּרינציפּ אַנערקענען, אַז דער שטאַאַט האָט צו ערפילען אַ חוב צו דיא ארבייטסלאָזע דאָס וויל נאָך עד היום דעם ענגלישען שטאַאַט ניט. מען האָט איבערגעלאָזען צו דיא בעלי־צדקה, זיי זאָלען געבען נדבות פאַר דעם.

דיא בעלי־צדקה האָבען זאָגאַר געפּרובירט עס דורכצופיהרען אין דער פּראַקטיק. 456 פאַמיליען, 2456 פּערזאָן, זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרען אין אַ קאָלאָניע פון דיא היילס ארמעע. דאָרט האָט מען זיי געלאָזט ארבייטען ביי גאָרטען־ארבייט. דאָס האָט געקאָסט אַ סומע פון 4300 פונט (21500 דאָלאַר) אין איין ווינטער. דיא שערי הצדקה זיינען דערמיט פאַרשלאָסען געוואָרען. און דיא 197.000 אַנדערע ארבייטסלאָזע פון לאָנדאָן און דיא 997.000 אָדער 1.997.000 ארבייטסלאָזע פון גאַנצען לאַנד האָבען געדאַרפט זיך פרייען און בענטשען און דאַנקען דיא גוטע, זיסע, באַרמהערציגע בעלי־צדקה פאַר דיא חסדים וואָס זיי האָבען בעוויזען צו זייערע „אונגליקליכע", „געפאַלענע" ברידער!

דיא הילף פון שטאַאַט, זאָגען דיא ענגלישע בורזשואַזנע פּאָליטיקער, ערניעדריגט דעם ארבייטער, נעהמט ביי איהם אַוועק דיא ענערגיע, מוטה און ווירדע. צדקה אָבער געהט דאָך פון „גוטען" הארצען און דערפאַר איז עס אַ נחת אי פאַר דיא, וואָס העלפען, אי פאַר דיא וואָס ווערען געהאָלפען. אַזוי רעדט דער שכל און יושר פון דער בורזשואַזיע. דיא הונדערטע טויזענדער הונגערענדע ארבייטסלאָזע האָבען

אָבער אויף דעם געגנטפערט מיט'ן קאמפּפס־רוף: „פארשאָלטען זאָל זיין אייער רחמנות, אייער צדקה! מיר פאָדערן דאָס רעכט אויף ארבייט!"

2.

„דאָס רעכט אויף ארבייט", איז דיא פאָדערונג וועלכע דיא ענגלישע ארבייטער אונטער דער פיהרונג פון דיא ענגלישע סאָציאַלדעמאָקראטען שטעלען ארויס. מיט דער פאָדערונג ווענדען זיי זיך צום שטאאט און האָפען סוף כל סוף זייער פאָדערונג דורכצופיהרען.

דיא פאָדערונג איז שוין אַן אַלטע. דיא אַלטע אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטען פון דיא 30ער און 40ער יאָהרען אין פראנקרייך האָבען עס געמאַכט פאר זייער הויפּטפאָדערונג. און דיא פאריזער ארבייטער האָבען ניט איין מאָל: אין יאָהר 1830, 1848, 1871 דיא פאָדערונג ארויפגעטראגען אויף דיא באריקאדען. אין יאָהר 1848 האָט עס זאָגאר אויסגעוויזען, אז אָט אָט ווערט דער אידעאל פארווירקליכט.

צו קען דיא פאָדערונג ערפילט ווערן אין דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאַפט? קויטסקי האָט אַ מאָל פאר מעהר וויא צוואנציג יאָהר צוריק („נייע צייט" 1884) דיא פראגע טיעף און קריטיש אונטערזוכט און ער האָט גאַנץ ריכטיג אויפגעוויזען אָט אויף וואָס: „דאָס רעכט אויף ארבייט איז אַ פאָדערונג, וואָס איז פול פון ווידערשפּריכע, וויא דער קליינבירגערליכער סאָציאַליזמוס אליין, וועלכער האָט איהר ארויסגעשטעלט. דאָס רעכט אויף ארבייט ווירקט אויף דיא איצטיגע אָרדנונג אי צושטערענד, אי ערהאַלטענד. אין דער קארגער פאָרם אין וועלכער זיא ווערט איצט דורך געפיהרט פארהיט זיא דיא געזעלשאַפט, אז זיא זאָל ניט פארפלייצט ווערען מיט פארברעכענס און שטאַרקט איהר. ווען דאָס רעכט אויף ארבייט וואָלט דורכגעפיהרט געוואָרען אין גאַנצען וויא דיא קליין־בירגערליכע סאָציאַליסטען חלומ'ט זיך, דאַן וואָלט דורך דעם פּאַראייביגט געוואָרען דיא איצטיגע אָרדנונג, ווארום דורך דעם וואָלט אָבגעשאַפען געוואָרען דיא שאַדענס, וועלכע דיא ארבייטסלאָזיגקייט ברייגגט, ד. ה., דיא אונזיכערהייט און מורא פאר'ן מאָרגעדיגען טאָג פון דיא ארבייטער, מיט איין וואָרט, זייער עלענד. אָבער דאָסזעלבע רעכט פיהרט פון אַנדערער זייט ענטוועדער צום שטאאטס־באַנקראָט, אויב מען פיהרט עס דורך וויא עס דאַרף צו זיין (ד. ה. אויב מען נעהמט זיך אַן צו שאַפען יעדען דיא ארבייט פון זיין פּראָפעסיאָן) אָדער עס פיהרט צו דיא גרינדונג פון אַזוינע ארבייטס־הייזער, וואָס זיינען עהנליך צו טור־מעס, ווען מען וויל זיך צופּאַסען צו דיא עקזיסטירענדע אומשטענדען."

דאָס רעכט אויף ארבייט אין אידעאלעם זין קען אין דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאַפט ניט דורכגעפיהרט ווערען. וואָס עס קען יא דורכגעפיהרט ווערען און צו וואָס דיא הערשענדע קלאַסען און דיא רעגירונגען מוזען געצוואונגען ווערען איז, אז זיי זאָלען ניט וועלען אָבוואַשען זייערע הענד אין אונשולד און זאָלען אויף טראגען כאָטש אַ טהייל פון דעם שווערען יאָך, וועלכע זייערע אָרדנונגען לייגען ארויף אויף דיא ארבייטער.

דיא סאָציאַלדעמאָקראטען פון פערשיעדענע אייראָפּעאישע לענדער, צוזאַמען מיט געוויסע בירגערליכע סאָציאַל־פּאָליטיקער האָבען אין דיא לעצטע יאָהרען גענומען פּראָפּאַגאַנדירען אַן אַנדער וויכטיגען מיטעל, דיא פּאַרזיכערונג געגען ארבייטסלאָזיגקייט. און עס איז זאָגאַר געפּרובירט געוואָר'ען דיא אידעע הורכצופיהרען אין לעבען. דיא פּראָבעס זיינען געמאַכט געוואָרען אין דריי שטעדט און קאַנטאָנען פון דער קליינער שווייץ: אין בערן, באַזעל און סאַן־גאַלען.

דיא אידעע פון פערזיכערונג געגען ארבייטסלאָזיגקייט איז איבערהויפּט ניט קיין נייעס. פיעל ארבייטער אָרגאַניזאַציאָנען, אין ענגלאַנד און אין אַנדערע לענדער האָבען שוין לאַנג איינגעפיהרט ביי זיך אַזאַ סאָרט פּארזיכערונג.

דיא ענגלישע טרייד יוניאָנס האָבען אויסגעצאהלט אין פערלויף פון דיא 10 יאָהר צווישען 1892—1901 זייערע מיטגליעדער ארבייטסלאָזענבענעפיט 16¼ מיליאָן דאָלאַר.

אין יאָהר 1902 אליין 2.1000.000 דאָלאַר.

אין יאָהר 1903 . . . . 2.520.000 דאָלאַר.

דיא דייטשע געווערקשאַפטען האָבען אויסגעצאָהלט אין פערלויף פון יאָהר 1902 ביז 1903 364.000 דאָלאַר.

פון דיא אַמעריקאַנער יוניאָנס צאָהלען ניט פיעל בענעפיט אין דער צייט פון ארבייטס־לאָזיגקייט. דיא סיגאַר־מאַכערס אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָן האָט אויסגעצאָהלט אין דיא יאָהרען 1879 ביז 1900 917.000 דאָלאַר שטיצע פאר ארבייטסלאָזע (דזשאָהן מיטשעל „אָרגאַנאַיזד לייבאָר").

די אידעע פון פערזיכערונג געגען ארבייטס־לאָזיגקייט איז אַלזאָ בעצם ניט קיין נייעס. דער נייעס באַשטעהט נאָר אין דעם, וואָס עס ווערט געפאָדערט, אז דיא פערזיכערונג זאָל זיין אַ אַלגעמיינע פאר אַלע ארבייטער אָרגאַניזירטע און ניט אָרגאַניזירטע און אז איבערנעה־

מען זאָל עס דער שטאַאט אויף זיין חשבון.

דיא פערזיכערונג געגען אַרבייטסלאָזיגקייט באַגעגענט וויניגער שוויריגקייטען איידער דיא פאָדערונג פון רעכט אויף אַרבייט, ווארום „דאס רעכט אויף אַרבייט איז אונמעגליך דורכצופיהרען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. היינטיגע געגען דער פּלאַג איז אָבער נויטיג און דאָס קען דערגרייכט ווערען דורך פערזיכערונג געגען אַרבייטסלאָזיגקייט (מאָלדענהויער „צור פראגע דער אַרבייטסלאָזיגקייט“).

דאָך איז אויך דיא פערזיכערונג געגען אַרבייטסלאָזיגקייט באַגלייט פון גרויסע שוויעריגקייטען. אויך דערביי מוז’ן דיא פּראָלעטאַריער שטעהען אויף’ן וואך און פּאַרהיטען, אַז אין דעם האָניג זאָל ניט זיין אַריינגעגאָסען אויך טראָפּענס גיפט.

„קיינער אין דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז ניט פּרינציפּיעל געגען אַזאַ פערזיכערונג אָבער פיעל היינגט אָפּ פון דעם וויא דיא זאַך וועט אויסגעפיהרט ווערען. ריידענדיג וועגען אַרבייטסלאָזען פערזיכערונג דאַרף מען גדיינקען. 1) אַז דורך דעם קען מען ניט אין גאַנצען אויסהיילען דיא וואונד. דיא אויסצאהלונגען וועלען שטענדיג זיין קלענער, וויא דער געוועהנליכער פּאַרדיענסט. זיי וועלען אין בעסטען פאַל נור ראטעווען דיא אַרבייטסלאָזע פון פּאַרצווייפלונג. 2) עס ווענדט זיך ווער עס וועט צאהלען פאַר דיא פערזיכערונג. אַ שטאַרקע אַרבייטער פּאַרטיי מיט אַ גרויסען פּאָליטישען איינפלוס קען דערביי זעהר פיעל העלפען. 3) דיא פערזיכערונג קען ניט אָנהאַלטען אין דיא צייטען פון גרויסע אַלגעמיינע קריזיסען. דיא פערזיכערונג קען אַלזאָ ניט בעטראַכטעט ווערען וויא אַ ראַדיקאַלע רפואה, נור וויא אַ זאָרט פערזאָרגונג פון אָרימעלייט. אָבער אויך אַלס אַזוינס דאַרף מען עס ניט אַראָפּמאַכען אונטער’ן האַנד. מען דאַרף נור ניט פאַרגעסען, אַז דיא ענטוויקלונג פון אַרבייטער־שוץ־געזעצען און פון געווערקשאַפטען איז פאַר דיא אַרבייטער נאָך אַ וויכטיגערע זאַך. דיא אַרבייטער דאַרפען אויך זעהען פּאַרהיטען זייערע רעכטע. זיי מוזען בעזאָנדערס שטאַרק היטען זייער רעכט צו סטרייקען. מיט איין וואָרט מען מוז זיין קריטיש.“ (קויטסקי אין דער „נייער צייט“ 1899).

„קריטיש זיין“, דאָס איז אַ געזונטער פּרינציפּ. ער פערהיט פון אַ סך פעהלערן, און זייענדיג קריטיש מוז מען מודה זיין, אַז קיין ראַדיקאַלע רפואה זוי אויסצוראָטען די קראַנקהייט פון אַרבייטסלאָזיגקייט איז אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט ניטאָ. דערפאַר אָבער זייַנען דאָ מיטלען, וויא אַזוי צו פאַרקלענערען דיא שעדליכע ווירקונג פון דער קראַנקהייט. עס איז דאָ מעגליכקייטען, וויא צו פערלייכטערן דיא קראַנקהייט.

דיא פערזיכערונג געגען אַרבייטסלאָזיגקייט איז דער גרעסטער פון דיא הילפס מיטלען. עס זיינען דאָ אָבער נאָך אַ סך אַנדערע מיטלען. זיי זיינען כמעט פאָלשטענדיג אויסגערעכענט אין דעם געזעץ פּראָיעקט, וועלכען דער אַנפיהרער פון דער שווייצער סאָציאַלדעמאָקראַטי גרייליך האָט אין יאָהר 1901 אריינגעטראָגען אין שווייצער נאַציאָנאַלראַטה (פּאַרלאַמענט).

גרייליך’ס פּראָיעקט צופאַלט אויף פיער טהיילען: 1. מיטלען, וויא צו פערקלענערן דיא אַרבייטסלאָזיגקייט. זיא זאָל ניט פאַרכאַפּען אזוי פיעל מענשען, דער וויכטיגסטער פון דיא סאָרט מיטלען איז דיא פערקירצונג פון דער אַרבייטס־צייט. דער שכל איז אַ פּראָסטער: וויא באַלד, אַז דיא בעשעפטיגטע אַרבייטער וועלען אַרבייטען ווייניגער צייט, וועט דיעזעלבע אַרבייט קלעקען פאר מעהר מענשען.

2. עס מוז געשאַפט ווערען אויף וויא ווייט מעגליך אַרבייט פאר דיא אַרבייטסלאָזע. דער שטאַאט, דיא געמיינדען דיא שטאָדט פערוואַלטונגען מוזען אין דיא צייטען פון אַרבייטסלאָזיגקייט זעהען אויסצופיהרען דיא אַרבייטען, וואָס זיא דאַרף טהון: בויען קאַנאַלען, באַהנען, הייזער א. ז. וו.

3. אונטערשטיצען דיא אַרבייטסלאָזע, פאַר וועמען מען קען ניט שאַפען קיין אַרבייט, דורך געלדמיטלען און געטהון מוז עס ווערען ניט פון בעלי־צדקה אַלס נדבה, נור פון דיא רעגיערונג, פון דיא שטעדט און געמיינדען.

4. פערזיכערונג געגען אַרבייטסלאָזיגקייט גרייליך’ס פּראָיעקט פאָדערט, אַז דיא צענטראַלע רעגיערונג און דיא קאַנטאָנען זאָלען צאָהלען 40 פּראָצענט און דיא אַרבייטער 60 פּראָצענט פון דער פערזיכערונגס פּרעמיע.

5. פאַרבעסערען דיא מיטלען וויא אויסצוגעפינען אַרבייט. גרינדען שטעדטישע ביוראָס, פאַר דיא וואָס זוכען אַרבייט. העלפען מיט רייזע קאָסטען דיא אַרבייטער, וואָס קענען בעקומען אַרבייט אין אַנדערע שטעדט א. ד ג.

דיא אַלע פאָרשלעגע געהען ניט אזוי ווייט, וויא דיא ענגלישע פּאָדערונג. זיי שטעלען זיך נעהענטערע פּראַקטישערע צוועקען. זיי קענען דורכגעפיהרט ווערען פון דיא קאַפּיטאַליסטישע שטאַאטען אויך. און זיי וועלען אין דער אָדער יענער פאָרם אויך מוזען דורכגעפיהרט ווערען. אמת נאָך פיעל האַרטע קעמפּפע וועט קאָסטען

דיא ארבייטער ביז זיי װעלען צװינגען דיא רע־גיערונגען און דיא בורזשואזנע פארטייען מודה צו זיין, אז עס איז דיא שולד פון דער איצטיגער סיסטעם, װאָס מענשען געהען ארום אָהן אר־בייט און אז עס איז דער חוב פון דער געזעל־שאפט דיא פעראנטװאָרטליכקייט דאפיר ארויף צו נעהמען אויף זיך. אָבער פאר קעמפפע שרעקען זיך דיא פראָלעטאריער ניט אָפּ, און אין זייער נצחון צװייפלען זיי ניט. זיי װייסען גאנץ גוט, אז נור דורך הארטען קאַמפּף קענען זיי עראָבערען זייערע רעכטע.

דר. ק. פאַרנבערג.

דיא פסיכאלאגיע פון א סאציאל-דעמאקראט

פון מ. זאמעטקין.

ביי מענשען מיט א געװיינליכען פערשטאנד, און װאָס קענען לאָגיש דיינקען, װעט אפילו אויסקומען גאָר איבריג מיין ערקלעהרונג פון דיא פסיכאָ־לאָגיע פון א סאָציאל דעמאָ־קראַט.

אזוי װיא א סאָציאל דעמאָקראט איז דאָך יעדענפאלס איינער פון דעם מין „האָמאָ“ (מענש), טאָ איז דאָך נאַטירליך אז יעדער סאָ־ציאל דעמאָקראַט זאָל זיך האָבען זיין אייגענע פסיכאָלאָגיע, פונקט װיא א יעדער אברהם, יצחק אָדער יעקב האָט זיך זיינע. אָבװאָהל א גאָט (פרינציפּ, למשל) האָבען זיי אלע דעמזעלבען.

עס זיינען אָבער דאָ א סך פון אונזערע פריינד, װעלכע טענה'ן אז אלע סאָציאל דעמאָ־קראַטען זיינען אויסגעשניטען אויף איין מוס־טער. װאָס פאר א מין מוסטער דאָס איז אזוינס, איז שוין גאָר אַן אנדער פראגע. פון װאַנען האָט זיך דער מוסטער גענומען, איז אויך ניט אייער טאַטענס דאגה. פאר זיי איז גאַנץ גענוג אז איהר זאָלט װיסען, אז א סאָציאל דעמאָקראַט מוז פאָלגען דיא מאַיאָריטעט — און טענה ניט... צום ביישפּיעל, דיא מאַיאָריטעט זאָגט, אז דער קאַפּיטאַליזמוס איז גוט, מוז דער סאָציאל דע־מאָקראַט זאָגען, „גוט“. אי טאָמער זאָגט ער עס ניט, איז ער קיין סאָציאל דעמאָקראַט ניט אָדער ער איז ניט קאָנסעקװענט.

און אונזער א גוטער פריינד, אַן אנאַר־כיסט, בעדױערט דעם צוקינפטיגען סאָציאל־דעמאָקראַט, װעלכער װעט נעביך מוזען אין דיא צוקינפטיגע געזעלשאפט שרייבען א פּראָשעניע און בעטען ביי דער ביוראָקראַטיע איין ערלױבנים ביי יעדען טריט װאָס ער װעט דארפען טהאָן. נאָך ניט האָבענדיג קיין טינט און פעדער און פּאַ־פּיער װעט ער דארפען שרייבען א פּראָשעניע אז מען זאָל איהם ערלױבען צו שרייבען א פּראָ־שעניע.

װעט מען מוזען רופען א מאַסענפערזאמלונג צו זאָל מען איהם ערלױבען טינט און פעדער, א. ז. װ. װען מיר סאָציאל דעמאָקראַטען זאָלען זיך פערלאָזען אויף דיא אנארכיסטען, אז זיי זאָלען פיר אונז מאַכען דעם צוקינפטיגען שטאַאט װאָלטען מיר געמוזט האַלטען אין איין שרייבען פּראָשעניעס, אז עס װאָלט אונז אפילו קיין צייט געבליבען װען זיך אויסצולערנען שרייבען.

היינט שטעלט זיך פאָר װיפיעל טראָבעל עס װעט אַרױסקומען װען עס װעט זיך האַנדלען ניט װעגען איינפאַכע און פּראָסטע ארבייטען און אַלטעגליכע פאַסירונגען פון איינפאַכע, געװיינ־ליכע מענשען, נור װעגען גרויסע ענדעקונגען פון זשעניען, ד. ה. מען װעט מוזען צוזאַמענרו־פען דיא פאַרטייאַ געגאָסען און ענטשיידען מיט א מאַיאָריטעט צו דיא נייע טהעאָריע איז גוט צו ניט.

אָט אזוי שילדערט אונזערער א „פריינד“ אַן אנאַרכיסט דיא טראָבעלס און געפאַהרען פון דער צוקונפטיגער סאָציאליסטישער געזעלשאפט.

און נאָך װיל איך ערלעהרען אז ביי אונז סאָציאל דעמאָקראַטען װעט יעדער געזונטער און ערװאַקסענער מענש זיין געצװאונגען צו טהאָן זיין טהייל געזעלשאפטליכע ארבייט אין דער פּראָדוקציאָן פון זאַכען, װאָס עס װעט ביי איהם פאַרנעהמען בלױז צװיי־דריי שטונ־דען א טאָג; און אין דיא איבריגע 21 אָדער 22 שטונדען װעט ער זיך מעגען שלאָגען קאָפּ אָן װאַנד.

אָבער װער װעט עס בעשטימען װאָס איז דיא נױטװענדיגע ארבייט? דיא מאַיאָריטעט? װעט װעט עס בעשטימען װיא גרויס עס זאָל זיין

דער גלייכער טהייל פֿיר יעדען? דיא מאַיאָריטעט. ווער וועט בעשטימען צו וואָס פֿאַר אַ פֿאַך ארבייט איך זאָל זיך נעהמען אום אויפֿצוטהאָן מיין טהייל ארבייט? און ווער וועט מיך צווינגען, אַז איך זאָל דאָס טהאָן? און אין וואָס וועט בעשטעהען דיא צוואַנג?

זעהט איהר, צו ענטפֿערן דיזע לעצטע פֿראַגען מיט לאָגיק און פֿערשטאַנד, און דאַצו נאָך אזוי אַז גערעכטיגקייט און פֿערזענליכע פֿרייהייט זאָלען דיקטירען דער לאָגיק און דעם פֿערשטאַנד אין וועלכע גרענצען צו זוכען דעם אַנטוואָרט, דאַרויף מוז מען זיין אַ סאָציאַל דעמאָקראַט.

וויא לאַנג וועט דויערן דיא פֿעריאָדע אין דער ענטוויקלונג דער מענשהייט, וועלכע וועט בעצייכענט ווערן אין דער געשיכטע פֿון דער וועלט אַלס דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער שטאַאַט?

איך בין איבערצייגט, אַז דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער, אָדער פֿראָסטער גערעדט, דער סאָציאַליסטישער שטאַאַט, אָדער נאָך בעסער, דיא קאָאָפֿעראַטיווע געזעלשאַפֿט וועט ניט אויפֿגעבויט ווערן אין אַ טאָג און וועט זיך ניט ענדיגען אין אַ וואָך.

דער איבערגאַנג פֿון דיא יעצטיגע געזעלשאַפֿטליכע אונאָרדנונג צו אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג, וועט זיין אַ גאַנץ שווערער און לאַנגער פּראָצעס. און דיא איבערגאַנגס פּעריאָדע אליין וועט מיט זיך פֿאָרשטעלען מאַסען פֿערשיעדענע מאָמענטען, — מאָמענטען, וועלכע וועלען זיין איינע פֿון דיא אַנדערע אזוי ווייט וויא ווייט עס איז פֿון דער טיראַניי פֿון קאַפּיטאַל ביז דיא פֿרייהייט פֿון סאָציאַליזמוס. אין דיא גאָר ערשטע פֿון דיזע מאָמענטען, וועלען מיר גאָר זיין געצוואונגען צו געברויכען געוואַלד אום צו צווינגען אונזערע געגנער, זיי זאָלען פֿאָלגען אונזערע בעשליסע. און נאָך וואָס פֿאַר אַ גוואַלד! מיר וועלען שטעהן אויף דיא באַריקאַדען און מיר וועלען מוזען טויט־שיסען דיא רעאַקציאָנערען, אום צו שטערן דיא קאַפּיטאַליסטען אין זייער פֿערזענליכע פֿרייהייט צו געברויכען דיא מאַשינערי און דיא קאָנסערוואַטיווע ארבייטער אַלס זייער אייגענס.

אזוי גיך וויא אונז וועט געלונגען צו זיעגען אין דיזען ערשטען און זעהר וויכטיגען מאָמענט, וועט זיך דער כאַראַקטער פֿון אונזער צוואַנגסיסטעם אויך בייטען אויף אַ מילדערע פֿאָרמע. דיא איבערגעבליבענע פֿערדאָרבענהייטען פֿון'ם קאַפּיטאַליזמוס וועלען מיר ענטוועדער בעהאַנדלען אין געפֿענגניסע מיט פּאָליסלייטע אָדער אין האָספּיטעלער מיט דאָקטוירים און מעדיצין.

אָבער וואָס אַ יאָהר מעהר עס וועט פֿערגעהען, אַלץ וויינגער וועלען זיין געפֿענגניסע און פּאָליסלייטע און אַלץ מעהר האָספּיטעלער און דאָקטוירים פֿיר דיזע איבערגעבליבענע פֿערדאָרבענהייטען. צוויי זאַכען וועלען אונז שטעהן צו הילפֿע: בעסערע עקאָנאָמישע צושטענדע וועלען מאַכען דיא מענשען בעסער; בעסערע ראַציאָנעלע בילדונג ווט מאַכען דעם פֿערברעכערס קינדער אויס פֿערברעכער; און דיא ניט פֿערברעכער וועט דיא בעסערע ערציהונג לערנען צו האָבען מיטלייד איידער צו זוכען ראַכע.

און וואָס ווייטער און ווייטער אַלץ בעסער און בעסער וועלען ווערן דיא עקאָנאָמישע צושטענדע, אַלץ העכער, פֿיינער, און מענשליכער וועט ווערן דער מענש און אַלץ מילדער און ווייכער וועט ווערן דער כאַראַקטער פֿון דעם צוואַנג, וועלכע דיא געזעלשאַפֿט וועט געברויכען.

עס וועט ענדליך קומען דיא צייט ווען דער סאָציאַליסטישער שטאַאַט וועט ניט דאַרפֿען געברויכען קיין גרעסערן צוואַנג, וויא עס ווערט יעצט געברויכט געגען שול־קינדער, אָבער דאַרויף וועלען מיר זיך ניט אָבשטעלען. אַלס סאָציאַל־דעמאָקראַטען וועלען מיר אימער שטרעבען צו דער צייט, ווען דיא עפֿענטליכע מיינונג — בלויז דיא מיינונג פֿון פֿריינדע און בעקאַנטע, וועט זיין דער איינצעלנער שטערער פֿון דיא פֿערזענליכע פֿרייהייט פֿון דעם יעניגען, ביי וועמען עס איז נאָך אַליין געבליבען אַ שטיקעל פֿערדאָרבענהייט אַלס זכר פֿון דער שרעקליכער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם.

און פֿיר מיר, אַלס סאָציאַל דעמאָקראַט איז נאָך דאָס אויך וויניג. איך וועל אימער פֿאַנטאַזירען (ווייל איך בין ניט זיכער, אַז דאָס איז מעגליך) וועגען אַזאַ צייט אין דעם סאָציאַליסטישען שטאַאַט, ווען יעדער מענש וועט זיך קיין מאָל, אויף קיין מאָמענט איבער קיין שום אורזאַכע, צוליעב קיין שום צוועק ניט דאַרפֿען שטערן אין זיין פֿערזענליכע פֿרייהייט; ער וועט טהאָן בלויז און נור דאָס וואָס איהם, איהם פֿערזענליך גלוסט זיך, — און דאָס וואָס ער וועט טהאָן וועט זיין אי גוט, אי ניצליך פֿיר דיא געזעלשאַפֿט; — ווען פֿיר זעלבסט־אויפֿאָפּפֿערונג וועט קיין פּלאַץ ניט זיין; ווען עגאָאיזמוס און פפליכט וועט זיין בוכשטעבליך דאָסזעלבע; ווען פֿרייהייט און בעדיענונג וועט זיין אידענטיש דאָסזעלבע. אין קורצען, ווען דער מענש וועט זיין אַ פֿאָלקאָמענער סאָציאַל דעמאָקראַט...

דאָס איז דיא פּסיכאָלאָגיע פֿון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, וועגען וועלכע עס וואָלט געווען ווינשענסווערטה, אַז אונזערע פֿריינד, דיא אַנאַרכיסטען, דיא אינדיווידואַלען, דיא ספּענסעריאַנער א. ז. וו., א. ז. וו., זאָלען אַביסעל ערנסטער

נאָכדיינקען און ניט סתם קנאַקען מיט דיא צינגער: שטאַאט, קאָמוניזמוס, פּערזענליכע פרייהייט, א. ז. וו.

אז מענשען וועלען אייניגע דורות נאָכאַנאַנד נור זיין פריי, וועלען זיי ניט ליידען פון הונגער און קעלט און צופיעל אַרבייט, וואָס פיר אַ נאָמען זיי וועלען ניט געבען זייערע איינריכטונגען.

דיא ביידע פּראָצעסען, דיא ביידע וועגען צו מעהר פרייהייט און בעסערע עקאָנאָמישע צושטענדע זיינען איינער מיט דיא אַנדערע אַזוי פערקניפּט, אַזוי פערבונדען און איבערגעבונדען אַז איינע אָהן דיא אַנדערע איז איינפאַך אונדענקבאַר. וואָס איז קלענערע אַרבייטס שטונדען אָדער גרעסערער לאָהן, מעהר פרייהייט אָדער בעסערע עקאָנאָמישע צושטענדע? וואָס זיינען אַלע פערבעסערטע געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען? וואָס זיינען בעסערע שולען, ביבליאָטהעקען, פּאַרקען, טהעאַטערע, מוזעאומס, א. ז. וו., א. ז. וו.? מיינט דאָס אַלעס מעהר פרייהייט אָדער בעסערע עקאָנאָמישע צושטענדע? ווער וועט קענען אָנצייגען וואו עס ענדיגט זיך דיא עקאָנאָמיע און וואו עס פאַנגט זיך אָן דיא פרייהייט?

אום צו זיין פריי, דאַרף מען זיין שטאַרק. אַם שטאַרקסטען איז מען, ווען מען קען אויסנוצען דיא נאַטור־קרעפטע פיר מענשליכע בעדירפניסע; אויסנוצען דיא נאַטור־קרעפטע פיר מענשליכע בעדירפניסע הייסט אַרבייטען; אום צו שאַנעווען דיא אַרבייט און צו שאַנעווען דעם אַרבייטער מוז מען אַרבייטען קאָאָפּעראַטיוו, בשותפות; דאָס הייסט, דיא אַרבייט מוז זיין אָרגאַניזירט אום זיא זאָל זיין אי לייכטער אי בעסער; אום דיא אַרבייט זאָל אָבער זיין אָרגאַניזירט, מוז זיך דער אינדיווידיום, דער איינצעלנער, אונטערוואַרפען דער מאַיאָריטעט; אום צו זיין פריי מוז מען אַליין וועלען זיך בעשרענקען דיא פּערזענליכע פרייהייט.

אַ ווידערשפּרוך איז עס, זאָגט איהר? טאָ רופט אַ פּראָטעסט פערזאַמלונג געגען אייער אייגענע קורצזיכטיגקייט, אָדער געגען דיא געזעצע דער נאַטור. ביי מיר איז דאָס ניט קיין ווידערשפּרוך. אַלץ וואָס שטערט מיין ווירקליכע פרייהייט, דאָס הייסט מיין פרייהייט אַלס דענקענדען, ענטוויקעלטען און הויפּטזעכליך, מענשען־ליעבענדען אינדיווידיום, — אַלעס דאָס בעקעמפף איך מיט אַלע מיינע כוחות, מעג דיזער שטערער פון מיין פרייהייט זיין דיא טיראַניי פון צאַר אָדער מיין אייגענער עגאָאיזמוס און נאַרישע קאַפּריזען.

אָט אַזוי איז דיא פּסיכאָלאָגיע פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט! אין בעצוג אויף דיא אַרבייט, מוז איך זיך אונטערוואַרפען דיא בעשליסע פון מיינע מיטאַרבייטער, ווען עס מוז געשטערט ווערען אָדער מיין פרייהייט אָדער זיין פרייהייט; ווען אָבער קיינעם'ס פרייהייט מוז ניט געשטערט ווערן און מען קען בעפרידיגען יעדענס וואונש בעזונדער, טאָ מוז מען איינפאַך זיין ענטוועדער אַ משוגענער אָדער אַ פערדאָרבענער יונג, אָדער ביידע צוזאַמען, אום צו וועלען סתם מיר ניט דיר ניט שטערען אַ מענשען זיין פרייהייט; אַפילו אַ שלאַנג טהוט דאָך עס ניט צו איהרע שטיעף־קינדער. איין בעשעפעניש בלויז איז דאָ וואָס טהוט עס יאָ. דאָס איז אַזאַ מין סאָציאַל דעמאָקראַט, וועלכען עס קען בלויז בעשאַפען דיא צולאָזענע פאַנטאַזיע פון אונזערע טהעאָרעטישע און פּראַקטישע שונאים.

מ. זאַמעטקין.

איבער דער וועלט

דער אלטער גריכישער פילאָזאָף אנאקסאגאס האָט זיך פאָרגעשטעלט דיא בריאת העולם אויף אזא אופן: פון קדמוניות אן האָט עקזיסטירט א צומישונג פון קליינע קערפערלעך פון וועלכע יעדע האָט איהרע בעזונדערע אייגענשאפטען: שטיקעלעך גאָלד, שטיקעלעך פלייש, שטיקעלעך קנאָכען א. ז. וו. האמעאמאאריען רופט מען דיא קערפערלעך.

עס איז געווען א צייט, ווען אן אונאָרדנונג, א תוהו ובוהו האָט געהערשט צווישען דיא אַלע קערפערלעך. עס איז אָבער געקומען דער גייסט (נוס) און האָט ארויסגערופען אין איין פונקט א שטורם און זיך פערשפרייטענדיג אַלץ ווייטער און ווייטער האָט דער שטורם ווינד ארייגעצויגען אין זיך אַלץ מעהר קערפערלעך, געבראַכט צווישען זיי אָרדענונג און אויף אזא אופן איז דיא וועלט געשאפען געוואָרען.

אונזער קליינע וועלטעלע, וועלכע מען רופט דיא אידיישע ראַדיקאַלע סאָציאַליסטישע בעוועגונג געפינט זיך איצט אין דעם צושטאַנד פון אונגעאָרדנעטע, צומישטע האמעאמאאריען, א גאַנצע וועלט פון בעזונדערע טהיילכעלעך אין וועלכע מען קען געפינען איינעם אָדער מעהר פון סאָציאַליסטישע עלעמענטען, עס עקזיסטירען ביי אונז צעהנדליגע און איבער צעהנדליגע ארגאניזאציאָנען, וועלכע שטעהען נעהנטער אָדער ווייטער סימפּאַטישער אָדער פריינדליכער צום סאָציאַליזמוס. יעדערע פון זיי איז „ביזי“ זיא האַלט זיך שטענדיג אין בעוועגען. און טהעטיגקייט איז דאָ אזוי פיעל, אז עס איז גאָר ניט משער צו זיין.

קוקט דורך א וואָך „פאָרווערטס׳ן“ און בעטראַכט נור אין וואָס בעשטייט דער לעבען פון דער ראַדיקאַלער סאָציאַליסטישער בעוועגונג ? בעריכטען וועט איהר געפינען א סך, און וויפיעל בעריכטען, אזוי פיעל מיטינגען, און וויפיעל מיטינגען, אזוי פיעל פרעזידענטען מיט וויים־פרעזידענטען, מיט סעקרעטערע, מיט קאָמיטעס. „אונטערנעהמונגען“ פון כל המינים: סתם בעלער, מאַסקאַראַדען בעלער, בויערען בעלער. קאָנצערטען, סתם קאָנצערטען, קאָמבינייישאָן קאָנצערטען: קאָנצערטען מיט בעלער און ליטעראַרישע אָווענדען מיט טענ׳ץ און אויף אָהן טענ׳ץ, מיט אייגענע באַר א. ז. וו. א. ז. וו. פאַר דיא אַלע „אונטערנעהמונגען“ פון כל המינים זיינען דאָ קרעפטען פון כל המינים: זינגער, שפּיעלער, דעקלאָמאַטאָרס, פעסט רעדנער, און דיא אַללע אונטערנעהמונגען פערשלינגען נאָך כפל כפליים פון דיא אייגענע קרעפטען פון אַלע פעראיינען און אָרגאַניזאַציאָנען: ארראַנדזשעמענט קאָמיטעס, פלאָאר קאָמיטעס און וויא זיי הייסען דאָרט אַלע דיא טוערס, דיא מאַכערס, דיא בעסטע טהעטיגקייט פון דיא בעסטע טהוערס גייט אוועק הויפּטזעכליך אויף דיא אַלע „אונטערנעהמונגען.“

אויך ביי דיא איבעריגע מיטגליעדער און פריינד פון דיא אַלע ארגאניזאציאָנען נעהמט דאָס אוועק דיא ביסעל פרייע צייט און דיא ביסעל פרייע סענטען.

דאָס איז פאַר דעם געמיט. אויך פאַר דעם גייסט זיינען דאָ ביי אונז גענוג „אונטערנעהמונגען“ — „לעקטשורס“ — רופט מען זיי. אָבער דער תהו־ובהו צושטאַנד פון אונזער בעוועגונג דריקט זיך פּילייכט אין קיין זאַך ניט אויס אזוי דייטליך, וויא אין דעם ווער און וויא און וועגען וואָס עס ווערט געלעקטשורט. און דער עולם וואָס וויל בילדונג, שטרעבט צו וויסען, דער געהט ארויס פון דיא לעקטשורס דאס רוב מיט דעמזעלבען באַלאַסט פון וויסען, און קענטניסע נאָר מיט וויניגער חשק צו לערנען מעהר און צו פאָרשען ווייטער.....

מיר האָבען א פּרעסע, א גרויסע מעכטיגע פרעססע. דאָס צו וואָס אונזערע אמעריקאַנער גענאָסען שטרעבען אזוי פיעל יאָהר. — א טעגליכע סאָציאַליסטישע צייטונג, שטרעבען דערווייל אומזיסט און אָהן ערפאָלג, דאָס האָבען מיר כפל כפלים. אונזערע צייטונגען ווערן פיעל געלעזען. אָבער זאָלען מיר זיך ניט נאַרען צו זעהן מיר ניט אויף יעדען טריט וויא פּאָלשטענדיג מאַכטלאָז זיא איז? אין דער גאַנצער וועלט בעדייטעט דער וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער פּרעסע דער וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג. ביידע, אי דיא פּרעסע, אי דיא אָרגאַניזאַציאָנען זיינען צוויי פאָרמען אין וועלכע איינע און דיזעלבע קראַפט, דיא קראַפט פון סאָציאַליזמוס ווערט אויסגעדריקט. דיא פּרעססע זוכט צו שאַפען וואָס מעהר נייע אנהייגער פון סאָציאַליזמוס. און וואָס מעהר מיטגליעדער פאַר דיא סאָציאַליסטישע און ארבייטער ארגאניזאַציאָנען זיא האָט און בויענדיג פאַר זיי, פערגרעסערט זיא און פערפעסטיגט זיא איהר אייגענע

עקזיסטענץ. די פרעסע פיהרט די בעוועגונג, די פרעסע ווערט אָבער קאָנטראָלירט פון דער בעוועגונג.

די קאָנטראָלע פון דער בעוועגונג איבער דער פרעססע קען אויסגעדריקט ווערן אין פערשיעדענע פאָרמען. אין דייטשלאנד, צום ביישפיעל, דאָרט וואו עס עקזיסטירען צעהנדליגע סאָציאליסטישע בלעטער, געהערט די פרעסע דאָס רוב צו די פארטיי ארגאניזאציאָנען. אין איטאליען איז זאָגאר דער צענטראל־אָרגאן פון דער פארטיי א פריוואט צייטונג, אָבער אין אלע פעללע געהערט די קאָנטראָלע איבער די ריכטונג, טאַקטיק און אויפגאבע פון די צייטונגען צו די אָרגאניזאציאָנען וועמער אָרגאנען די צייטונגען זיינען. ווען די סאָציאליסטישע פארטיי, די געווערקשאפטען, אָדער אנדערע ארגאניזאציאָנען בעטראכטען א געוויסע צייטונג פאר זייער אָרגאן, דאן נעהמען זיי איבער אויף זיך די מאָראלישע פעראנטוואָרטליכקייט פאר איהר האלטונג און פיהרונג און זיי קענען דיקטירען די ארויסגעבער—גאנץ גלייך ווער יענע זאָלען ניט זיין—אויב ניט וועלכע פערזאָנען זאָלען שטעהן ביי דער צייטונג, יעדענפאלס וועלכע אויפגאבען די צייטונג זאָל ערפיללען, און וואָס זי זאָל ניט טאָן. און איבער זיי אלע שטעהט די העכסטע קאָנטראָלע די עפענטליכע מיינונג פון די סאָציאליסטישע ארבייטער מאסען. אָט די גייסטיגע התקרבות צווישען דער בעוועגונג און דער פרעססע גיט צו דער פרעססע מאכט, איינפלוס און בעדייטונג.

און ביי אונז ? ווער קען זאָגען אז די פרעססע שטעהט אין א אייגענע גייסטיגער בעציהונג מיט דער בעוועגונג? ווער קען זאָגען, אז די פרעסע פיהרט און אז זי פיהרט צו בעשטימטע ציעלען ? אפילו די חסידים וועלען עס ניט זאָגען.

און אָט אזוי, אָבגעריסען פון דער בעוועגונג, ניט פילענדיג קיין פעסטען סאָציאליסטישען באָדען אונטער זיך און ניט האָבענדיג קיין קאָנטראָלע פון א אָרגאניזירטען זיכערן וועג־ווייזער אויסער זיך ; ניט האָבענדיג די קאָנטראָלע ניט פון קיין פארטיי, ניט פון א עפענטליכער סאָציאליסטישער מיינונג, ווארפט זיך, שאָקעלט זיך אונזער גרויסע פרעססע, מאכט חן'דעלעך היינט אהין און מאָרגען אהער, און דער רעזולטאט איז אז אלץ שטעהט אויף איין ארט, און קיינער פון די „געפּושטע“ געהט ניט אוועק ווייט פון אָרט. און נאָך אהנמעכטיגער, וויא אונזער פרעססע איז אין דער פארשפרייטונג פון סאָציאליזמוס, איז זי אין דער פערטיעפונג פון דער סאָציאליסטישער וועלט־אנשויאונג. געגען דעם זינדיגט זי ביודעים, דעם טעאָרעטישען אינטערעס פארשטופט זי אבזיכליך, זי האָט סיסטעמאטיש פאראליזירט ביי די לעזער דעם אינטערעס צו טיעפע טעארעטישע פראגען.

דאָס אלץ וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט, זיינען דברים ידועים אפילו „קינדער אין די וויעגען“ האָבען ניט איינמאָהל געהערט דאָס ליעד און דאָך יאָהרען פארגייהען, יאָהרען קומען און די אידישע בעוועגונג שטעהט אויף איין אָרט. אלע זיינען אונצופריעדען, אלע מורמלען, אָבער דער תהו ובהו וואָס הערשט אין אלע אנדערע צווייגען פון דער בעוועגונג, הערשט אויך אין איהר פּראָטעסט, און אזוי מאכטלאָז וויא עס איז איהר שעפּפונגס־קראפט, אזוי מאכטלאָז איז איהר צערשטערונגס־קראפט.

*   *   *

פון „האמעאמאאריען“, פון איינצעלנע צומישטע פערשיעדענע קערפערלאך בעשטעהט אלזאָ איצט אונזער אידישע סאָציאליסטישע בעוועגונג. מאטעריאל איז דאָ גענוג, ווערקצייג אויך ניט ווייניג. די פאָרמס זיינען פארטיג. וויא בלאָזט מען דאָרט אריין לעבען און גייסט, אָרדנונג און סיסטעם אין דעם כאאָס? דאָס איז די פראגע וועלכע עס מוז זיך שטעלען יעדער ערנסטער סאָציאליסט.

עס איז גאָר ניט אזא שווערע פראגע, וויא עס דוכט זיך. די סאָציאל־דעמאָקראטיע איז שוין געוואָהנט צו שאפען וועלטען פון בראשית אָן. אפילו דאָרט וואו קיין סאָציאליסטישער מאטעריאל איז לחלוטין ניטאָ, אפילו דאָרט שטעלט זיך די סאָציאל דעמאָקראטיע ניט אָב און שרעקט זיך ניט אָב פאר דער גרויסע אויפגאבע צו שאפען א יש מאין, א גאנצע סאָציאליסטישע וועלט, א גרויסע סאָציאליסטישע בעוועגונג, וועלכע וועט מיט דער צייט פערניכטען און ירשה'נען די קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט.

ביי אונז אָבער איז די אויפגאבע א איינפאכערע. מען דארף נור ברענגען לעבען, אָרדנונג און איינינונג אין דעם תוהו ובוהו, וועלכע עס עקזיסטירט אין אונזער בעוועגונג. אָרדנונג און לעבען קענען אריינגעבראכט ווערן נור דאן, ווען עס וועט דורך געפיהרט ווערן א געוויסע איינינונג צווישען די פערשיעדענע קליינע אבגעזונדערטע וועלטעלאך. איצט, ווען יעדער ארגאניזאציאָן איז א וועלטעלע פאר זיך מיט א קליינעם בעשריינקטען שטח פון טהעטיגקייט, מיט א איינגען, שמאָלען געזיכטס־קרייז. איצט געהן אלע גרויסע פראגען פערלאָרען, איצט איז פאר די גרויסע אללגעמיינע פראגען ניטאָ ווער

עס זאָל זאָרגען, יעדער ארגאַניזאַציאָן איז גליקליך און צופריעדען ווען מען טהוט פאר איהר עפּעס און פאר דיא איבעריגע ? זאָלען זיי פאר זיך אַלליין זאָרגען.

זאָל מען נעהמען ווידער אמאָל אלס ביישפּיעל דיא פּרעססע. ווען דער „פאָרווערטס“ האָט זיך ערקלערט, אז ער וועט טהאָן פאר'ן „בונד“ און העלפען דעם „בונד“, דאַן זיינען דיא בונדיסטען „געוואָרען פּאַטריאָטען“, זיי זיינען צופריעדען און גליקליך, און דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג ? פאר דעם דאַרפען זיי דאָך ניט זאָרגען. פאר דעם זאָלען זאָרגען דיא, וועלכע זיינען דיא ממונים אויף דעם. דיא בונדיסטען פאַרשטייען ניט, אָדער ווילען ניט פאַרשטיין, אז ווען א צייטונג ווערט בעטראַכט אלס דער אָפּיציעלער אָדער אפּיציעזער אָרגאַן פון „בונד“ אין אַמעריקא, טראָגען דיא בונדיסטען דיא מאָראַלישע פעראַנטוואָרטליכקייט פאר זיין גאַנצע גייסטיגע פיזיאָנאָמיע.

און אזוי וויא דיא בונדיסטען זיינען דיא אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנען. יעדער קוקט אויף דיא פּרעססע, וויא אויף א רייכען קרוב, פון וועלכען מען דאַרף זעהן ארויסצוקריגען וואָס מעהר הילפע און שטיצע פאַר זיך און ווייטער זאָל ער טהון וואָס פאר איהם איז גוט. און אזוי וויא מיט דער פּרעססע, אזוי איז מיט אַלץדינג. ווען עס מאַכט זיך אין קוואַרטאַל א גרויסע זאַך צו גוטען אָדער צו בייזען, דאַן איז ניטאָ קיין דיין און דין, קיין שומר און מציל, סיידען וועלכע ער עס איז א מענש, אָדער וועלכע עס איז ארגאַניזאַציאָן געפינט פאר מעגליך עס אויסצונוטצען פאר זיך און צו מאַכען א „בום.“

„אין איינינגונג איז אונזער מאַכט!“ אָט דער אַלטער סאָציאַל דעמאָקראַטישער כלל איז פאַר אונזער אידעשער בעוועגונג דאָ דאָפּפּעלט אמת. איינינגונג בעדייט אָרדנונג און אָרדנונג איז פאַר אונז היינט ניט נור א מאַכט פראגע, זאָנדערן א לעבענספראַגע. אין איינינגונג איז אונזער רעטונג, אין איינינגונג איז אונזער איינציגע ישועה, און נון פרעגט זיך, ארום וועלכע אינסטיטוציאָן קענען פעראייניגט ווערען אַללע אידישע סאָציאַליסטישע קרעפטען ? אַרום דער פרעסע ? מיר האָבען געזעהן, אז דער אומגליק פון דער פּרעססע און דיא קוועלע פון איהר מאַכטלאָזיגקייט בעשטעהט אין דעם, וואָס זיא האָט ניט אונטער זיך קיין פעסטען פונדאַמענט פון א געזונדע, ערנסטע סאָציאַליסטישע בעוועגונג. מאַכען דיא פּרעססע פאר דעם מיטעלפּונקט פון דער בעוועגונג, הייסט דעם איצטיגען אונגליקליכען צושטאַנד נאָך פארערגערן און פאַרעוויגען.

מאַכען דעם „בונד“ פאר דעם מיטעלפּונקט פון דער אידיש סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין אַמעריקא ? וועגען דעם קען היינט קיין רייד גאָר ניט זיין. ניט נור וואָלטען דיא אנהייננגער פון אַללע אנדערע רוסישע פּארטייען געגען דעם אויפגעהויבען א רעש, ניט נור וואָלטען דיא אידישע אַמעריקאַנער סאָציאַליסטען אויפגעהויבען א בערעכטיגטען פּראָטעסט געגען דעם. דיא בונדיסטען אַלליין האָבען געמאַכט, אז דיא פראַגע זאָל פון קיינעם ערנסט ניט געשטעלט ווערן, אפילו, דיא וואָס פיהרען דיא בונדיסטישע בעוועגונג דאָ אין אַמעריקא האָבען דעם בעסערן טהייל פון בונדיזמוס ענטוועדער אונטערדריקט אין זיך, אין נאָמען און אינטערעס פון בונד, וויא זיי מיינען, אָדער זיי האָבען עס איבערגעלאָזען אין גאַנצען אויף יענער זייט ים. דער בעסטער זייט פון בונדיזמוס, דער העלדישער קאַמפּף פאר'ן בעפרייאונג פון פּראָלעטאַריאַט, דיא פעסטע סאָציאַל דעמאָקראַטישע איבערצייגונגען, און דיא געניאַלע ארגאַניזאַציאָנסקראַפט פון דיא אידישע אַרבייטער, דאָס אַלץ געהט אין גאַנצען פערלאָרען ביי דיא היגע בונדיסטען. און דיא אויפלעבונג פון אידישען פּראָלעטאַריאַט אין רוססלאַנד, וועלכע האָט צו פערדאַנקען אויסשליעסליך דעם בונד, האָט ביז יעצט לײדער ניט געהאָלפען אויפלעבען דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט אין אמעריקא, ניט געהאָלפען שאַפען קיין סאָציאַליסטישע בעוועגונג צווישען דיא אַמעריקאַנער אידען.

און נון ווער בלייבט נאָך ?

דיא שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציאָן צווישען דיא אידישע ארבייטער איז דער ארבייטער רינג. ער טהוט א נויטהיגע זאַך, ער ערפיהלט א גרויסע אויפגאַבע צו פאַרזיכערן דיא ארבייטער געגען אונערוואַרטעטע און אונפאָרגעזעהענע אונגליקס־פעללע. ער טהוט אויך אויף א גרויסע שטיק קולטור ארביים, ווייל ער ציהט צו נעהנמער צו דיא ראַדיקאַלע קרייזען זאָגאַר אזעלכע מענשען, צו וועלכע מען וואָלט אויף אַן אנדער אופן ניט געקענט צוקומען. ער קען דיענען און דיענט אלס גוטער פּריזדור צו דער שטרענג סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָנען, אָבער ער קען אויך ניט און טאָר ניט מאַכען קיין פּרעטענזיעס צו זיין דער מיטעל־פּונקט פון דער בעוועגונג.

עס בלייבען נור צוויי ארגאַניזאַציאָנען, וועלכע קענען און מוזען מאַכען אנשפּריכע צו פעראייניגען אַללע אידישע סאָציאַליסטען און פּראָלעטאַריער. דאָס זיינען דיא פּאַרטיי און דיא געווערקשאַפטען. דיא פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ארגאַניזאַציאָנען פון פּראָלעטאַריאַט. זיי ביידע זיינען צוויי פריינדליכע שוועסטער. איין

מוטער האט זיי געבארען. דער קלאססענבעוואוסטזיין פון פראלעטאריאט. זיי האבען ביידע פערשיעדענע אויפגאבען, אבער יעדע איינע איז א הילף פאר דיא צווייטע, נור אין זיי ביידען און דורך זיי ביידען קענען דיא ארבייטער ווערן שטארק און מעכטיג און מיט ערפאלג קעמפפען געגען זייערע שונאים, געגען דיא איינצעלנע פעלע פון קאפיטאליסטישער עקפלוטאציאן און אונטערדריקונג און געגען דיא גאנצע קאפיטאליסטישע עקספלוטאציאנס און רויב־סיסטעם.

זיי ביידע זיינען אבער ביי אונז אזוי שוואך, אזוי אנמעכטיג, אזוי פארלאזען, און אין דעם ליעגט דיא קללה פון דער אידישע סאציאליסטישע בעוועגונג! דערפאר איז ביי אונז קיין עפענטליכע סאציאליסטישע מיינונג ניטא. ניט קיין לעבען, ניט קיין בעוועגונג, ניט קיין בעגייסטערונג!

א גרויסער שטורם מוז ארויסגערופען ווערן פון איין מיטטעל־פונקט און דער מיטטעל־פונקט קען און מוז זיין נור דיא סאציאליסטישע פארטיי. פון דארט מוז ארויס א נייער לעבען, א פרישער גייסט. און דער שטורם מוז וואס ווייטער ווערן גרעסער, זיך פארשפרייטען אלץ ווייטער און אריינציהען אין זיך אלץ מעהר און מעהר ארגאניזאציאנען, אלץ גרעסערע קרייזען. נור דאן קענען מיר האפען אז אין דיא „העמא העמאריען" פון דער אידישער בעוועגונג וועט אריינגעבראכט ווערן ארדנונג און לעבען. ווען דער סאציאליסטישער גייסט, דער „נוס" וועט אריינטראגען בעוועגונג, מוטה, קראפט און איניגונג.

אויפ'ן דריטען מערץ איז צוזאמענגערופען א קאנפערענץ פון אללע אידישע סאציאליסטען פון גרויס ניו יארק, זיך מישב צו זיין, וואס צו טהוען אום אויפצולעבען דיא אידישע בעוועגונג. זאל דיא קאנפערענץ ווערן דער שטורם וואס וועט אויפרישען און אויפבויען.

* * *

צוויי חדשים זיינען אוועק זינד מיר האבען דעם לעצטען מאל גערעדט וועגען דיא רוסישע צושטענדע. מיר האבען דורכגעלאזען דיא רעוואלוציאן ביי'ם אנפאנג פון א נייער גרויסער שלאכט. עס האט זיך דאן אנגעהויבען דער גרויסער סטרייק פון פאסט און טעלעגראף אנגעשטעלטע, וועלכע האט נאכגעצויגען נאך זיך א נייעם אללגעמיינעם סטרייק. יע, עס איז געשעהן נאך עטוואס מעהר! אונערווארטעט פאר אללעמען. אונערווארטעט פאר דיא רעוואלוציאנערען אליין איז אין מיטען פון גענעראל סטרייק ארויסגעשפרונגען א רעגולער מלחמה צווישען צוויי בעוואפענטע ארמעען. אויף מאסקווער גאסען זיינען פארגעקומען שלאכטען צווישען א הייפעלע בעוואפענטע רעוואלוציאנערען און ארמעען פון כל המינים סאלדאטען מיט ארטילעריע און מיט מאשינען־קאנאנען.

דיא לאנג פארגעסענע באריקאדען קעמפפע האבען אויפגעלעבט און זיך ארויסגעוויזען פאר א מערקווירדיג וויכטיגע וואפע זאגאר געגען דיא געוואלטיגע צערשטערונגס־מאכט, געגען דיא יעצטיגע שטעהענדע ארמעען. 10 טעג האבען דיא רעוואלוציאנערען מיט אונגלויבליכען העלדענמוטה זיך געהאלטען. אבער דער אונגליקליכער קאמפף האט זיך געענדיגט אזוי וויא ער האט זיך געמוזט ענדיגען — מיט אויסקוילענונג דיא הויפלאך חוואטעס.

דאס איז געוועזען דערווייל דיא לעצטע גרויסע שלאכט פון דער רעוואלוציאן מיט דער זעבסטהערשונג. און דיא שלאכט האט דיא רעוואלוציאן פערלארען. פון דאן אן שטייגט מיט יעדען טאג דיא בייזקייט און דיא חוצפה פון די רעאקציאנערע הינט. עס איז שוין אויסגעמעקט געווארען יעדער זכר פון דיא געגעבענע פרייהייטען. דיא בעסטע רעוואלוציאנערע קרעפטען ליעגען ענטוועדער טויט, אדער שמאכטען אין דיא טורמעס, אדער זיי ווערן געפייניגט אויף דעם וועג נאך סיביר. 3000 פון דיא בעסטע רעוואלוציאנערען, בעריהמט זיך דיא רעגיערונג האט זיא אין איהרע הענד. דיא פרעססע איז צוקלאפט און דערשטיקט. נאר איין סאציאל־דעמאקראטישע צייטונג געהט נאך ארויס אין רוסלאנד, און דאס איז דער בונדיסטישער „וועקער". דיא ארגאניזאציאנען פון דיא רעוואלוציאנערע פארטייען האבען זיך צוריקגעצויגען אין זיך. דער ארבייטס־ראטה אין פעטערסבורג האט זיך פארנאנדערגעלאזען, דיא ביידע סאציאל־דעמאקראטישע פארטייען האבען זיך אפילו פאראייניגט. עס איז אבער פאר זיי דערווייל אויך פאראייניגטערהייט ניט געבליעבען פיעל וואס צו טהון כדי צו פארבעסערן דיא לאגע. דער פינאנס־קריזיס פון דער רוססישער זעלבסט־הערשונג איז דערווייל ניט אבגעטראטען. אביסעל האבען צוגעהאלפען דיא אויסלענדישע באנקיערען און דאס איבעריגע העלפט מען זיך דערמיט, וואס מען לאזט ארויס אלץ נייע פאפיערען, פון דעם ליבעראלען וויטטע איז שוין מעהר קיין סימן ניטא, און איבערהויפט איז פון זיין אויפגעבלאזענעם גרויסקייט געווארען א תל. היינט איז וויטטע מעהר אפילו ניט דיא הויפט „פיגור" פון דער רעגיערונג, דער רעאקציאנערער תליון, דוראנאוו, וועמען ער האט אויסגעקליעבען אלס זיין מיניסטער, איז היינט זיין בעל־הבית און דיא גרויסע און דיא קליינע און דיא אריסטאקראטישע, און דיא פראסטע הוליגאנעס, זיי זיינען היינט רוססלאנד'ס רעגיערער.

און וויא געוועהנליך זיינען דיא אידען דיא ערשטע כפרה פון דער רעאקציאָן. פון גלייכע רעכטע אָדער פון גרעסערע רעכטע, איז שוין היינט מעהר קיין רעדע ניט און דיא רעגיערענד־ספערען. דערפאר אָבער רעדט מען יע וועגען נייע בעשריינקונגען און שוין נעהמען זיך בעווייזען דיא ערשטע שטראָמען בלוט פון א נייע פאָגראָמען סדרה.

ניט פיעל בעסער געהט עס אויך דיא ארבייטער. נאָך גאָר ניט לאַנג, אין דיא טעג פון דיא זיעגען, אין דיא טעג פון נצחונות פון דער רעוואָלוציאָן האָט דער פּראָלעטאריאט מיט איין מאָל בעקומען אזוי פיעל גוטע פריינד, מען האָט זיך געחאפּט צו איהם, מען האָט איהם בעזונגען פון אללע זייטען. פאר דיא „אינטערעסען פון דעם ארבייטענדע מאסען“ האָבען גענומען כלומר׳שט דאגה׳נען. היינט אָבער, ווען דיא רעגיערונג האָט איהם אויסגעקליעבען אלס דעם הויפּט קרבן אויף דעם מזבח פון קאָנטרעוואָלוציאָן, איצט, ווען זיינע קרעפטען זיינען אויף א ווייל ערשעפּט, יעצט בעגעגענט ער נור, ענטוועדער קאַלטקייט און גלייכגילטיגקייט, אָדער בייזקייט און פעראכטונג צו זיך.

און אָט אין דיא פינסטערע טרויעריגע טעג קומען פאר דיא וואהלען פאר דער דומא. אללע בורזשואזע פּארטייען כאַפּען זיך ארויף פאר דעם און האָפען אויף אזא אופן צו קענען אנהאַלטען ווייטער זייער עקסיסטענץ. אויך דיא סאָציאליסטען האָבען געמוזט, ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג, אין פיעל ערטער זיך נעהמען פאר דער וואהל־אגיטאציאָן, האָפענדיג ארויף אויף אזא אופן אין דיא פינסטערע טעג אַנצוהאַלטען דעם איינפלוס אויף דיא מאססען. אָבער אללע געהן צו דיא וואהלען ניט וויא צו א שמחה, נור וויא צו א לויה. קיינער גלויבט ניט אין כחות פון דער צוקינפטיגער דומא, קיינער האָפט ניט דורך איהר גובר צו זיין דיא רעאקציאָן און פערניכטען דיא זעלבסט־הערשונג. און פיעלע צווייפלען זאָגאר צו וועט דיא דומא איבערהויפּט צוזאַמענגערופען ווערען.

עס וואָלט ווירקליך געווען טרויעריג ווען די גאַנצע האָפנונגען אויף דער רוססישער פרייהייט וואָלטען געבויט געוואָרען אויף דער דומא. דאָס איז אָבער ניט אזוי. וויא גרויס דיא רעאקציאָן זאָל ניט זיין שטאַרק, איז זיא יעדענפאלס ניט. וויא בלוטיג דיא וואונדען פון דער רעוואָלוציאָן זאָלען ניט זיין, לעבענס־געפעהרליך זיינען זיי פאר איהם ניט. דיא אללע פאַקטאָרען, וועלכע וועלכע האָבען ארויסגערופען דיא רוסישע רעוואָלוציאָן און איהר געמאַכט פאר א לעבענס־נויטהווענדיגקייט פון רוסלאַנד׳ס צוקונפט ווירקען נאָך היינט וויא געווען. קיין איינציגער וואונד איז ניט פארהיילט געוואָרען אין דעם קראַנקען אָרגאַניזמוס פון דער רוססישער מלוכה, אפילו נייע זיינען צוגעקומען. דיא אינטערעסען און פאָדערונג פון קיין איינציגען קלאַס זיינען ניט ערפיהלט און בעפריעדיגט געוואָרען דורך דעם זיעג פון דער רעאקציאָן. דער קריזיס, דיא נויטה, דער הונגער, דיא אללגעמיינע אונצופריעדענהייט, דיא פאָלשטענדיגע דעזאָרגאַניזאציאָן פון דער אַלטער סיסטעם דיא ערשעפּפונג פון די פינאַנס־מיטלען, דיא צערשטערונג פון דער דיסציפּלין אין דער ארמיי, זיינען היינט אזוי גרויס וויא ווען עס איז פריהער. דער מוטה און דיא ענערגיע פון רעוואָלוציאָנערען פּראָליטאריאט און פון רעוואָלוציאָנערען אינטעליגענץ זיינען ניט געבראָכען. אין דער גרויסער אונבעקאַנטער רוססישער בויער קומט אַלין נאָהענטער צו דער רעוואָלוציאָן. מען דאַרף ניט זיין קיין גרויסער נביא אום פאָראויסצוזאָגען, אז עס וועלען ניט אוועקגעהען קיין פיעלע חדשים און דיא רעוואָלוציאָן וועט אין רוסלאַנד זיך ווידער צופלאַקערן מיט א פיעל גרעסערן פלאַם און שטאַרקערן קראַפט און וועט סוף כל סוף צערשטערען דיא זעלבסטהערשונג און דיא רעאקציאָן.

* * *

דעם 19טען פעברואר האָט זיך געעפענט דער נייער ענגלישער פּאַרלאַמענט. אלס טריומפאַטאָרס זיינען דיא ליבעראַלען אריינגעצויגען. דער זיעג פון דער ליבעראַלע פּאַרטיי ביי דיא וואהלען האָט איבערגעשטייגט אללע איהרע ערוואַרטונגען און איהר הערשאַפט איז אזוי זיכער, אז זיא איז ניט אבהענגיג פון קיין אַנדער פּאַרטיי, זיא האָט א מאַיאָריטעט פון איהרע אייגענע דעפּוטאַטען. דיא וואהלען אין ענגלאַנד האָבען אויפן קלאָרסטען אופן בעשטעטיגט דאָס וואָס מען האָט שוין געוואוסט לאַנג.

זיי האָבען געוויזען וואָס פאר א געוואַלטיגע אונצופריעדענהייט עס האָט געהערשט אין לאַנד מיט דיא רעאקציאָנערע פּאָליטיק פון דער פריהערדיגער קאָנסערוואַטיווער רעגיערונג. און וואָס פאר א מורא עס פיהלט זיך ביי דיא גרויסע מאַססען בעזאָנדערס ביי דיא ארבייטער מאַססען פאר דיא אלע פּראָטעקציאָניסטישע און אימפּעריאַליסטישע פּלענער פון טשעמבערליין און זיינע וועניגער אָפענע און וועניגער ענערגישע חברים.

דאָך דער זיעג פון דער ליבעראַלע פּאַרטיי איז ניט קיין פאָלשטענדיגער. אין איין גרויסען פּונקט האָט דיא גאַנצע בורזשואזיע זיך אָבגענאַרט. זיא האָט ניט ערוואַרטעט אזוי פיעל זעלבסטשטענדיגקייט און אונאַבהיינגיגקייט פון

דער ארבייטער קלאס. און אין דעם ליעגט דיא היסטארישע בעדייטונג פון דיא ענגלישע וואהלען.

א נייע פארטיי אן אונאבהיינגיגע, פולל מיט מוטה און ענערגיע האט אריינגעצויגען אין פארלאמענט און זיך אוועקגעזעצט אויף דער לינקער זייט אלס אפאזיציאנעלע פארטיי. טריי צו איהרע בעשליסע זיך צו געפינען אין אפאזיציאן פון דיא בורזשואזנע פארטייען און מיט דער פעסטער אבזיכט קרעפטיג און מוטהיג צו פארטהיידיגען דיא אינטערעסען פון דיא ארבייטער. דיא ארבייטער פארטיי הייסט זיא און אזוי איז זיא. איהרע וועהלער זיינען אלע ארבייטער, איהרע דעפוטאטען זיינען אם מייסטען ארבייטער. זיא איז ניט קיין סאציאליסטישע פארטיי, זיא איז אבער זעהר שטארק בעאיינפלוסט פון סאציאליזמוס און כמעט א העלפט פון איהרע דעפוטאטען זיינען אויסגעשפראכענע אפענע סאציאליסטען.

געגען דיא 670 דעפוטאטען פון ענגלישען פארלאמענט איז די צאהל פון אייניגע אין דרייסיג ארבייטער דעפוטאטען ניט גרויס. אבער דיא נאך איהר בעדייטונג נאך דעם איינפלוס וועלכע דיא ארבייטער פארטיי האט שוין דורך דעם פאקט פון איהר עקזיסטענץ אליין שפיעלט דיא ארבייטער פארטיי איינע פון דיא גרעסטע ראליען. דאס אויף וואס אלע פריינד פון דער ארבייטער קלאסע האבען אזוי לאנג געווארט און געהאפט און דיא האנד אזוי געציטערט און געשריעבען, דיא פאליטישע ערוואכונג פון ענגלישען פראלעטאריאט, דאס איז געשעהען ביי דיא לעצטע וואהלען. אומזיסט זיינען געוועזען דיא לידלאך פון דיא ליבעראלען, פאלש זיינען געוועזען דיא האפנונגען וועלכע זיי האבען געבויעט אויף דעם געוועזענעם ארבייטער, אויף דעם געוועזענעם סאציאליסט זשאן בוירנס. דיא ענגלישע ארבייטער האבען מעהר ניט געוואלט געהען אין ליבעראלען שפאן. דיא פאאר צעהנדליגע ארבייטער דעפוטאטען וועלכע געפינען זיך אין דער ליבעראלער פארטיי זיינען ליבעראלע דעפוטאטען און ווערען פון דיא ארבייטער בעטראכט ניט אנדערש וויא זייערע אלע איבעריגע חברים פון יענער פארטיי.

דיא ארבייטער פארטיי איז היינט אין ענגלאנד א זעלבסטשטענדיגע אונאבהענגיגע אפאזיציאנס פארטיי. אין דעם בעשטעהט דיא היסטאריש־עפאכענדע בעדייטונג פון דיא לעצטע ענגלישע וואהלען. אין דעם ליעגט אויך דיא גאראנטיע פאר דיא צוקונפט פון ענגלישען פראלעטאריאט און איבערצייגונג אז דיא ענגלישע ארבייטער פארטיי וועט סוף כל סוף ווערען דיא ענגלישע סאציאליסטישע ארבייטער פארטיי.

* * *

אין יאנואר העפט צוקונפט האבען מיר געעפענט א דעבאטע וועגען דיא שטרייט פראגען אין דער אמעריקאנער יוניאניסטישער בעוועגונג. מיר האבען געהאפט אז דיא דעבאטע וועט פלייסיג אויסגענוצט ווערען פון דיא אנהענגער פון דיא אלטע יוניאנס. דיא שטרייט פראגע ריהרט אן ניט נור דיא ארגאניזאציאנס פארמען, זאנדערן אויך דיא פרינציפען פון דער סאציאליסטישער און אין געווערקשאפטליכע בעוועגונג. דיא פראגע וועגען דיא אינדאסטריאל ווארקערס און טרייד יוניאנס איז צו דערזעלבער צייט געפראגט וועגען דעם ווער איז פריהער פאר וועמען: דיא פאליטישע אדער דיא עקאנאמישע ארגאניזאציאן פון דער ארבייטער קלאסע. דיא דעבאטע בעריהרט אלזא דיא הויפט פראגען פון דער סאציאליסטישער טאקטיק. און איז דערפאר זייער ערנסט און צייטמעסיג, צו אונזער בעדויערען אבער האבען אין פערלויף אין דיא צוויי חדשים נישט בעקומען קיין איין ארטיקעל פון קיינע פון דיא פעראינטערעסירטע צדדים ניט. מיר מאכען נאך אמאל אויפמערקזאם אונזערע סאציאליסטישע שרייבער יוניאן פיהרער און יעדען איינעם וואס האט צו זאגען און צו פראגען איין ערנסט ווארט אין דער דעבאטע.

לוידער מוזען מיר אבער גלייך בעמערקען אז צוליעב מאנגעל אין פלאטץ קאן דיא דעבאטע אין דער צוקונפט ניט טראגען דעם כאראקטער פון א מאסען דעבאטע, און דערפאר וועלען נור קענען ערנסטע אבהאנדלונגען אנגעוויעזען ווערען.

* * *

פון נעכסטען חודש צוקונפט, הייבען מיר אן צו דרוקען א גרויסע מייסטער ווערק פון דער וועלט־ליטעראטור, דאס איז דיא בעוואוסטע פאעמע פון דעם גרעסטען אמעריקאנער פאעט לאנגפעללא „הייוואטה" און א אויסגעצייכנעטער איבערזעטצונג פון גרויסען אידישען דיכטער יהאוש. כדי אונזערע לעזער צו בעקענען מיט דער בעדייטונג פון לאנגפעללא, און פון זיין גרויסען ווערק, וועט העדר יעקב נארדין שרייבען א ארטיקעל וועגען דעם פאעט און זיין ווערק. מיר זיינען איבערצייגט דורך דעם צו מאכען א נחת רוח אלע פריינד פון אמת'ע קונסט און גוטע ליטעראטור.

קריטיק

קראפאטקין'ס לעבענסבעשרייבונג.

הערויסגעגעבען פון דער גרופע „פרייהייט". לאנדאן 1904—1905

קראפאטקינס לעבענסבעשרייבונג האט אנגעמאכט א רעש אין איראפא, זיא איז געווען ווארם בעגריסט אי אלס ליטעראריש — קינסטלערישעס ווערק, אי אלס וויכטיגער „מענשליכער" און היסטארישער דאקומענט, און זיא האט דאס גאנץ כשר פערדיענט.

קראפאטקינ'ס לעבענסבעשרייבונג איז קודם כל א גרויסארטיגע קינסטלערישע ווערק. א מערקווירדיגער חן ליעגט אויסגעגאסען איבער דעם ווערק. פון אנפאנג ביז'ן סוף וואוהין דער פערפאסער זאל ניט אריבערטראגען זיינע לעזער, צו אין דעם אריסטאקראטישען מאסקווער קווארטאל, צו ביים קיסערליכען הויף, צו אין דיא ברייטע, פרייע וויסטעניסען פון סיביר, צו אין דיא פינסטערע, ענגע טורמע אדער אין דיא פרעכטיגע שווייץ, איבעראל שמידעט עם דעם לעזער צו זיך צו מיט דיא קייטען פון אמת'ער קינסטלערישער איינפאכהייט און הערצליכקייט, קראפאטקין יאגט זיך ניט נאך אויסערליכער שעהנקייט און עפעקטען אין זיין ערצעהלונג. ער דערצעהלט. דאכט זיך, אלין אזוי פראסט, אין אזוינע איינפאכע ווערטער, אבער דיא שעהנקייט און גוטער געשמאק לאזען איהם אויף א מינוט ניט אפ, און פון דיא פשוטע ווערטער קומען ארויס פרעכטיגע בילדער.

קראפאטקין דערצעהלט אינטערעסאנט שעהן און ער האט אויך פיעל וואס צו דערצעהלען! ניט פיעל לעבענסבעשרייבונגען זיינען אזוי רייך אין אויסערליכע פאסירונגען און אין אינערליכע קאלירען, וויא זיינע. א לעבענס-ענציקלאפעדיע, קען מען רופען זיין לעבענסבעשרייבונג. קראפאטקינס ווערק ווערט שוין היינט בענוצט אלס איינע פון דיא וויכטיגע זיכערע קוועלען פון יעדעם, וואס וויל זיך בעקענען מיט דעם אלטען אבגעשטארבענעם און מיט דעם נייעם, אויפקומענדען, רעוואלוציאנערען רוסלאנד. א בעזאנדערס וויכטיגען ווערטה האט דער לעצטער טהייל פון דעם ווערק פאר די היסטאריע און פראפאגאנדא פון אנארכיזמוס; היסטאריע און טהעאריע צומישען זיך דארט אזוי, אז דער לעזער באמערקט אליין ניט וויא ער בעקומט אין דער לעבענסבעשרייבונג גאר אהן אנשטרענגונג א סאלידען חלק פון בעלעהרונג און פראפאגאנדא.

אבער פון דיא אלע מעלות איז דיא גרעסטע מעלה דיא בעקאנטשאפט מיט דער פערזאן פון דעם פערפאסער אליין. קראפאטקין רעדט אין זיין לעבענסבעשרייבונג וועגען זיך און זיינע טהעטיגקייט שטענדיג וויא כלאחר-יד, אין זיין בעשיידענהייט מאכט ער קיין גרויסען וועזען פון זיך, דאך דיא געשטאלט פון דעם ערצעהלער איז בולט אויף יעדען טריט און דיא געשטאלט בלייבט אונטער אלע אומשטענדען די זעלבע סימפאטישע, אנציהענדע, ריינע ליכטיגע.

אפילו אין דיא גרויסע וועלט-ליטעראטורען פארנעהמט קראפאטקין'ס לעבענסבעשרייבונג א גאנץ בכבוד'יגען פלאץ, אין אונזער ארימער אידישער ליטעראטור מוז דיא איבערזעצונג פון אזא גרויסארטיגען ווערק דאפעלט בעגריסט ווערען.

דיא ארויסגעבער האבען אוועקגעלייגט פיעל זארג אין מיה, אז דאס ווערק זאל בעקומען א שעהנע צורה אויך אין אידיש: זיי האבען עס געדרוקט אויף ווייסע דיקע פאפיער, מיט שיינעם טייפ, האבען אין יעדער העפט (אין גאנצען זיינען דא 7 העפטען) אריינגעשטעלט א פאאר ריין-געדרוקטע גרעסערע פארטרעטען. זיי האבען אויך בעשטימט א גאנץ ביליגען פרייז (12 סענט פאר 64 זייטען) זיי האבען אבער איין זאך פערפעהלט, זיי האבען פארפעהלט צו בעזארגען זיך מיט א גוטע איבערזעטצונג.

מ. קאהאן האט ערטערווייז ניט קיין שלעכטען אידיש, איהר געפינט אין דער איבערזעטצונג זעהר פיעל ערטער, וואס זיינען איבערזעצט עכט אידיש (זאגאר אין שניפישאקער אידיש) אבער נעבען דעם געהען אוועק גאנצע זעצע עכט דייטשע און נאך מעהר דייטשמערישע, דאס ווייזט אז דער איבערזעצער האט ניט גענוג אויפמערקזאמקייט, ניט גענוג צייט און ליעבע אוועקגעלייגט אויף זיין ארבייט.

דער מישמאש פון אידיש און דייטשמעריש איז איין פעהלער פון אידישער איבערזעצונג, איהר צווייטער פעהלער איז, וואס דיא זעצע זיינען אפט אזוי לאנג פארדרייט און פארפלאנטערט און אזוי הויך אויפגעבויעט איינע אויף דיא אנדערע וויא א ניו יארקער „הימעלקראצער." און דאס שטערט זעהר. א פאאר ביישפיעלע: „אויפגעבען דיא דיענסט." דיא פארמע „וואר", וועלכע דער פערפאסער געברויכט שטענדיג געפינט זיך אין זעלבען זאץ לעבען „פיענעם" „דער מיליטעריסט איז

פארכליאקעט“. „אדער אגיט ווארען דיעזע פארצערטע אריסטאקראטקעס איינגעטולעט אין זייער אלטמאדישע קארעטען, מאסיוו, הויך און גרויס געבויגענע שפרוזשינעס.“ א. ז. וו. ווער זיינען מאסיוו און הויך, דיא אריסטא־קראטקעס אדער דיא קארעטען?

דאס זיינען נור א פאאר ביישפיעלע און זיי זיינען גענומען פון דיא ערשטע פאאר זיי־טען. מען וואלט דיא צאהל פון דיא ביישפיעלע געקענט פארגרעסערן אהן א צאהל. די אלע פעה־לערען קומען מעהר פון נאכלעססיגקייט, איידער פון אונפעהיגקייט.

קראפאטקינס לעבענסבעשרייבונג בלייבט אבער נאך אלעם דעם א גרויסעס קינסטלערי־שעס און בעלעהרענדעס ווערק.

בן־הלל.

ביזנעס פילאזאפיע

מיר וועלען זיך היינטיגען מאנאט אביסעל פילאזאפירען מיט אונזערע לעזער וועגען א וויכטיגען ענין, נעמליך וועגען פערשפרייטען דיא „צוקונפט“.

וואס טהוט איהר פיר אייער זשורנאל? לעזען אלע אייערע פריינדע און בעקאנטע דיא „צוקונפט?“ אויב ניט, זייט איהר אין דעם שול־דיג. צייגט זיי א קאפיע פון דיא „צוקונפט“ גיט זיי בלויז איינמאל צו לעזען א נומער און מיר זיינען זיכער אז זיי וועלען בלייבען לעזער פיר אימער. דיא „צוקונפט“ איז פערגרעסערט און פערבעסערט, עס איז דיא בעסטע אידישע צייטשריפט וואס ערשיינט. שיקט איין פינף סובסקרייבערס און קריעגט צוגעשיקט פריי א יאהר גאנג „צוקונפט“ אויף אירגענד וועלכע אדרעסע.

נאך א וויכטיגע זאך וועלען מיר אויפמערק־זאם מאכען אונזערע לעזער. און דאס איז פאל־גענדעס. אין יעדער שטאדט און שטעדטיל זיי־נען דא לעזע־צימער, לייבראריס, דיא שטאדט צאהלט פאר דיא ביכער און זשורנאלען וועלכע דיא לעזער פאדערען צום לעזען. פאדערט פון לייברעריעס מען זאל האלטען דיא „צוקונפט“ זעהט אז אין יעדע לייבררי און לעזע־צימער זאל זיין א „צוקונפט“. אין פיעלע שטעדט הא־בען אונזערע פריינדע שוין דאס געטהאן און מיר האבען ערהאלטען ארדערס ארויסצושיקען דיא „צוקונפט“. דיא לעזער פון דער קאנטרי קענען א סך ווירקען אין זייערע שטעדט אז דיא „צוקונפט“ זאל זיין אין יעדע לעזע־צימער און לייבררי.

מיר ווילען אויך עראינערען מאנכע ארגא־ניזאציאנען וועמעס אויפגאבע איז צו פערשפריי־טען בילדונג און אויפקלערונג, אז עס וואלט ווינשענסווערטה געוועזן אז יעדער פון זייערע מיטגליעדער זאל קריעגען צוגעשיקט דיא „צו־קונפט“, עס איז וויכטיג פיר זיי און פיר אונז, מיר וועלען ערפילען אונזער אלגעמיינע אויפגא־בע צו פערשפרייטען ליכט און אויפקלערונג, איהר קענט זעהר לייכט טהון, שיקט אונז צו דיא נעמען און אדרעסען פון אייערע מעמבערס און דאס איבעריגע וועלען מיר שוין בעזארגען, דיא מעמבערס אליין וועלען אייך אימער דאנק־באר זיין דאפיר און איהר וועט מעגען שטאלץ זיין אויף אייער האנדלונג, הונדערטער ארגאני־זאציאנען טוען דאס. פאלגט נאך דעם גוטען ביישפיעל פון יענע ארגאניזאציאנען און שרייבט אוים דיא „צוקונפט“ פיר אייערע מעמ־בערס.

נעקסטען מאנאט וועלען מיר דרוקען א ליסטע פון דיא ארגאניזאציאנען וועלכע נעמען „צוקונפטס“ פיר זייערע מעמבערס, זעהט אז אייער ארגאניזאציאן זאל זיין אויף דער ליסטע.

מיר ווילען אויך עראינערען וועגען דעם טויזענד דאלאר פאנד. וויא מיר האבען אייך שוין ערקלערט איז דיא פערגרעסערונג פון דיא „צוקונפט“ פערבונדען מיט אונגעהייערע קאס־טען, און מיר וועלען אימשטאנדע זיין דיעזען פערגרעסערטען פארמאט אנהאלטען נאר דאן ווען איהר וועט אונז בעהילפיג זיין אין דעם שאפען דעם פאנד.

זעהט אז דער פאנד זאל געשאפען ווערען.

פערגעסט ניט צו דערמאנען דיא אדווער־טייזערס דאס איהר פאטראניזירט זיי דאפיר ווייל זיי אדווערטייזען אין דיא „צוקונפט“ עס איז וויכטיג פיר אונז.

* * *

דער בעגריף וויא אזוי גאט איז ענט־שטאנען ביי פערשידענע פעלקער און פער־שידענע קלאסען. דיעזע נייע גלענצענדע ווי־סענשאפטליכע אונטערזוכונג פון דעם בעריהמ־טען פראנצויזישען סאציאליסטישען דענקער פאול לאפארג וועט ערשיינען אין נעכסטען נומער „צוקונפט.“

דער קאט פון איבסען איז דורך דיא געפעליגקייט פון דער נויארק שטאטס־צייטונג.

די צוקונפט

No. 4. APRIL 1906 Vol. XI

פון וואנען נעמט זיך דער גלויבען אין גאָט?

פון פּאָול לאפארג.



פּאול לאפארג.

1.

די קריסטליכע אמונה האָט חלילה גאר נישט אויסצוזעצען געגען פּריוואַט - אייגענטהום און דיא אויסבויטונג פון לוין - אַרבייט. דאַרום איז זיא תמיד געווען און וועט אויך קיין מאָהל נישט אויפהערען צו זיין דיא רעליגיאָן פון דער בורזשואַזיע. און שוין איבער טויזענד יאהר, קומט נאָך אָט וואָס: יעדע בירגערליכע בעוועגונג, גאַנץ גליך צי האָט זיא דעם צוועק צו אָרגאַניזירען אַ נייעם טהייל פון דער בורזשואַזיע, אָדער איהרען אַ טהייל צו בעפרייען, אָדער איין טהייל אַוועקצוגעבען דיא מאַכט אין דיא הענד, איז שטענדיג בעגלייט און פערפּלאָנטערט דורך אַ קריזיס אין דער הער־שענדער רעליגיאָן.

דיא בירגערליכע רעוואלוציאָנערען פון 1789 האָבען זיך איינגערעדט, אַז מען קאָן פון פראַנקרייך אַרויסטרייבען גאר אין גאנצען דעם קריסטליכען גלויבען. און דורך אַ אוקאַז איז דער הערר גאָט אַראבגעזעצט געווארען פון כסא הכבוד, און אויפן ביינקעל איז אַרויף איהר געט־ליכע מאַיעסטעט—דיא ריינע פערנונפט (שכל). אָבער וויא נאר דיא רעוואלוציאָן איז אַרויס פון דיא ווינדלעך, האָט ראָבעספּיער, מיט אַ צוויי־טען אוקאַז, אבגעגעבען צוריק „דעם העכסטען וועזען“ — (דער נאָמען „גאָט“ איז נאָך געווען נישט־פּאָפּולער)—אַלע זיינע פּאָליטישע רעכטע. און ס'איז נישט אַוועק אַ פּאָאר חדשים, וויא דיא גלחים זיינען שוין געווען בעפרייט פון תפיסה, און דיא קלויסטערס—געפּאקט מיט גע־טרייע שעפּסעלעך.

דיא פריידיינקער האַלטען אין איין טענה'ן, אַז דיא וויסענשאַפט — אַ לעבען צו איהר — האָט אַרויסגעראַמט דעם גלויבען אין גאָט פון דעם מענשענ'ס מח. און דאס איז זעהר אַ גרויסער ליגען. נישט נאר דער גלויבען אין גאָט אַליין איז געבליעבען אין דיא קעפּ פון דיא געלעהרנטע לייט, דעם גרעבסטען אבערגלויבען געפינט איהר אַפילו ביי דער געבילדעטער בור־זשואַזיע, אין אַלע הויפּט־שטעדט פון דער ציוויליזירטער וועלט. איינע האָבען צו טאָהן מיט רוחות אום צו דערוויסען זיך פון זיי, וואס עס טהוט זיך אויף יענער וועלט; אנדערע זיי־נען מתפּלל צום הייליגען אַנטאָניוס — ער זאָל מאַכען אַ נס און עס זאָל געפונען ווערען אַ פער־לאָרענע זאַך, אָדער דאָס לאָטעריי־צעטעל זאָל

געווינגען, אָדער מען זאָל אויסהאַלטען דעם עק־זאַמען, א. ז. וו. ; וויעדער אַנדערע אָדער טאַקי דיא זעלביגע געהען צו קאָרטען־וואָרפּערקעס, וואַהר־זאַגערינס, וכדומה אַזעלכע שאַרלאַטאַנ־קעס, וואו מען איז זיי פּותר חלום, וואו מען זאָגט זיי נביאות וועגען דער צוקונפט, א. ד. גל.

בעת דאָס רעליגיעזע געפיהל לעבט און קוועלט אָן אין אַלע טהיילען פון דער בורזשו־אַזיע, טרעפען מיר אָבער אַ גאַנץ בעשטימטע גלייכגילטיגקייט צו אמונה־זאַכען ביי דעם אינדוסטריעלען פּראָלעטאַריאַט.

גענעראַל בוטה, פון דער „סאַלוויישאַן אַר־מעע„, דערציילט אַזאַ מין געשיכטע: זיינע סאָלדאַטען אין לאָנדאָן, האָבען זיך גענומען דיא מיה און געגאַנגען פון קוואַרטאַל צו קוואַרטאַל, פון גאַס צו גאַס, און אפילו פון הויז צו הויז, און זיי האָבען מיט גרויס עגמת נפש אויסגעפונ־נען, אַז דיא פאַלקס־מאַססע האַלט איבערהויפּט נישט פון גאָט און נישט פון זיינע נביאים... אַז דיא אַרבייטער־קלאַס האָט נישט צו טאָהן מיט קיין שום רעליגיעזער סעקטע... אַז דיא קלויסטערס, ביי זיי אין דיא אויגען, זיינען נאַר פאַר דיא רייכע... אַז דיא אַרבייטער ביי היינ־טיגען טאָג טראַכטען מעהר פון זייערע רעכטע און פון דיא עולות, וואָס זיי טראַגען אַריבער, איידער פון פּפליכטען, חובות... אַז דאָס געפיהל פון הכנעה, אַזוי גוט וויא דאָס בעוואוסטזיין, דאָס דער מענש איז קיין מאָהל נישט ריין פון זינד, ליעגט פּיעלייכט גאָר נישט אין דעם אַר־בייטער'ס נאַטור.

און דיא זעלביגע אינסטינקטיווע נישט־פרומקייט פון דעם לאָנדאָנער פּראָלעטאַריאַט טרעפט איהר אויך אין אַללע אינדוסטריעלע שטעדט פון דעם קאַטהאָלישען פראַנקרייך. און דערפון קומט, וואָס דיא אַרבייטער־קלאַסס איז צו יעדער צייט פאַרטיג אַרויסצוטרעטען אַנט־קעגען דיא כלי־קדש פון אַלע אמונות, ווייל ביי איהם שטעהען זיי אין דיענסט פון דער קאַפּי־טאַליסטען־קלאַס.

דיא פראַגע איז איצט: פון וואַנען נעהמט זיך דיא פרומקייט פון געבילדעטען בורזשואַ, בעת דער ווענינ־געבילדעטער אַרבייטער האָט שוין לאַנג אָבגעשלאָגען כפּרות מיט'ן אַלטען טאַטע־פּאָטער אין הימעל?

לאָמיר זעהען, פון וואַנען עס האָט זיך גע־נומען בכלל דער גלויבען אין גאָט, דער גלויבען אין אַ נשמה און אין דער עקזיסטענץ פון דער נשמה נאָכ'ן טויט?

גענומען האָט זיך דאָס אַלץ פון דעם וויל־דענס חלומות. ביים ווילדען איז קיין שום ספק נישטאָ, אַז דאָס, וואָס ער זעהט אין חלום, קומט פאַר מיט איהם אין אמת'ן. ווען עס חלומ'ט זיך איהם למשל, אַז ער געהט אויף געיעג, שלאָגט זיך מיט'ן שונא, נעהמט נקמה און ווע־מען עס איז, און דערנאָך, ביי'ם אויפשטעהען פון שלאָף, דערזעהט ער זיך אויפ'ן זעלביגען אָרט, וואו ער האָט זיך געלייגט, ציהט ער פון דער געשיכטע אַזאַ מין שלוס: ער האָט, הייסט דאָס, אַנאַנדער „איך", נאָך איינעם, וואָס מען זעהט נישט, וואָס מען הערט נישט, און וואָס איז לייכט וויא דיא לופט, און אָט דיא לופ־טיגע בעשעפענעס האָט זיך אַרויסגעריסען אין שלאָף פון זיין גוף און געמאַכט אַ שפּאַציער אין ווייטע וועלדער און פעלדער. און ווען ער זעהט אין שלאָף זיינע געשטאָרבענע עלטערען אָדער חברים, גלויבט ער באמונה שלמה, אַז צו איהם זיינען דאָס געקומען ביי־נאַכט דיא נשמות פון דיא נפטרים, וועלכע (דיא נשמות הייסט דאָס) זיינען צוזאַמען מיט'ן גוף נישט אָבגע־שטאָרבען.

אויף דער נאַטור קוקט דער ווילדער מיט דיא אויגען פון אַ קליין־קינד. ער רעדט זיך איין, אַז ער האָט אַ מאַכט איבער דיא נאַטור־כחות, אַז מיט געוויסע כשוף־ווערטער און שוואַרצע קונצען איז ער ביכולת צו צווינגען דעם רעגען — ער זאָל אנהויבען צו געהן, דעם ווינד — ער זאָל נעהמען בלאָזען, א. ז. וו. וויא אַ קינד שרעקט ער זיך פאַר דער פינסטערנעש, און ווען ער געהט ערגעץ, און אין וועג, ווייסט ער, וועט איהם אויסקומען צו זיין ביי־נאַכט, פערקנייפּט ער אויף אַ געוויסען אופן געוויסע גראָזען, און ער איז זיכער, אַז דיא פערקנייפּטע גראָזען וועלען שוין נישט לאָזען אונטערגעהן דיא זונן. גיט זיך איהם דער קונץ נישט איין, בעט ער ביי דיא נשמות פון דיא טויטע, זיי זאָלען איהם העלפען, ווייל גלויבען גלויבט ער, אַז דיא חברה־לייט האָבען אַ גרעסערע מאַכט איידער דיא לעבעדיגע איבער דיא נאַטור־כחות. אַ בראַוועער שיסער און אַ געשייטער מכשף קאָ־נען, פערשטעהט זיך, מעהר ווירקען אויף דער נאַטור וויא דהיינו אַ פּראָסט מענשעל, און זיי־ערע רוחות נאָך זייער טויט זיינען על כן אויך גרעסערע מיוחסים פון געוויינליכע נשמה'לעך. דאַרום פערהייליגט זיי דער ווילדער, ברייננגט קרבנות צו זייער ליעבען נאָמען, און בעט ביי זיי רחמים אַראָבצושיקען אַ רעגען, ווען דיא טריקענעס מאַכט אָן אַ חורבן אויף זיין פעלד, איהם העלפען מנצח זיין, ווען ער געהט אין שלאַכט; איהם שיקען אַ רפואה שלמה, ווען ער ליעגט קראַנק. אויף דעם יסוד איז שוין שפּע־טער אויסגעוואַקסען דער געדאַנק וועגען אַן איין איינציגען גאָט, ד. ה. פון אַ רוח, וואָס איז

מעכטיגער פון אַללע אנדערע רוחות.

דער געדאנק, אַז ס'איז פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט, איז צוזאַמען מיט'ן מענשען נישט געבארען געווארען. דער מענש האָט דעם געדאנק בעשאפען און אויך אַ סך, אַ סך אַנדערע אידעען ערשט נאָכדעם, ווי ער איז געקומען אין אַ בעריהרונג מיט די ערשיינונגען פון דער אמת'ער וועלט; ער האָט זיי דעמאָלט פערטייטשט מיט זיין שכל אַזוי גוט, ווי ער האָט געקאנט.

גרענט עללען, בעווייזט אין זיין בוך („די ענטוויקלונג פון דעם געדאנק וועגען גאָט“), אַז די אַללע מעשיות פון אַלטען קריסטענטהום: וועגען גאָט'ס זוהן, וועלכער איז געשטארבען און דערנאָך אויפ'ן דריטען טאָג אויפגעשטאַנען תחית המתים, וועגען גאָט'ס מוטער — דער ריינער כשר'ער בתולה, מיט'ן הייליגען גייסט — דעם דריטען שותף פון הימעלשען טראָסט, און אַללע זיינע לעגענדען, מופתים, קבלות, מאָראַל, פרינציפען און צערעמאָניען, — אַז דאס אַלץ איז געווען נישט מעהר ווי קאָמפּיליאַציאָנס־ארבייט, ס'הייסט מען האָט איינפאך צונויפגעקליבען אין איינעם די אידעען און לעגענדען, וואס זיינען ארומגעגאנגען אין דעם משך פון הונדערטער יאהרען אין דער אלטער וועלט, און אָט פון דער גע'גנב'עטער סחורה האָט מען בעשאפען אַ שעהנע מעשה.

2.

אייגענטליך האָט מען זיך געקאנט ריכטען אויף אַזאַ זאך: היות ווי די וויססענשאַפט האָט זיך אַזוי געוואלדיג ענטוויקעלט און איז אַ חויז דעם אריינגעבראכט געווארען אין די ברייטע קרייזען פון די מאַססען, דארף דאך הערר גאָט ווערען גאר אַן איבעריגער מאכל. ווארום צי האָט דען נישט די וויססענשאַפט בעשטימט גאנץ פעסט און זיכער, אַז די וועלט ווערט בעהערשט פון איין אַללמעכטיגען נאַטור־געזעץ, דעם געזעץ פון נויטהווענדיגקייט, און אַז דער קאַפּריז פון אַ מענשליכען אָדער איבער־מענשליכען ווילען שפּיעלט דאָ מחמת דעם קיין שום ראָליע נישט? פון דעסטוועגען מוזען מיר מודה זיין, אַז נאָך יעצט געפינען זיך געבילדעטע בורזשואַ, וועלכע גלויבען, אַז ווען גאָט וויל, קאָן ער מאַכען אַ רעוואָלוציאָן אין דעם נויטווענדיגען סדר פון דער נאַטור־וועלט, און ווען מען זאָל איהם גוט בעטען, וועט ער געבען רעגען, שיקען אַ נצחון, אַ רפואה שלמה, א. ז. וו.

מילא, אַז אין דער נאַטור־וועלט הערשט דאס געזעץ פון נויטהווענדיגקייט, דאס קאנט איהר נאָך ביי דעם בורזשואַ פועל'ען. אָבער אַז דאס אייגענע געזעץ פון נויטהווענדיגקייט הערשט אויך אין דער סאָציאַלער וועלט, דערמיט וועט ער קיין מאָהל נישט מסכים זיין. ער האָט ערלויבט זיינע געלעהרטע צו שטודירען פראַנק און פריי די נאַטור־כחות, ווייל פאַר איהם גופא איז וויכטיג צו קענען גוט די נאַטור, בכדי זיי אויסצונוצען פאַר דער פּראָדוקציאָן פון די עשירות זיינע. אָבער זיינע עקאָנאָמען, פילאָזאָפען, עטיקער, היסטאָריקער, סאָציאָלאָגען און פּאָליטיקער, האָט ער די זעלביגע פרייהייט נישט געקאנט געבען. און בעת אין דער נאַטור־וויססענשאַפט הערשט דער פילאָזאָפישער דעטערמיניזמוס (ס'הייסט דאס פּרינציפּ, אַז איטליכע ענדערונג, וואס עס קומט פאָר אין קערפּער, איז נאר אַ געוויסע מדרגה אין דעם פּראָצעס פון ענטוויקלונג, און פערורזאכט ווערט זי דורך אַ גאַנצע רייהע אנדערע שוין פריהער פארגעקומענע ענדערונגען), דארף מען אָבער דעם זעלביגען דעטערמיניזמוס זוכען מיט ליכט אין דעם בורזשואַ'ס סאָציאַלער וויססענשאַפט. ווי מען ווייס, האָט אַמאָהל אויפ'ן זעלבען גרונד די קאַטהוילישע קירכע נישט דערלאָזען, מען זאָל פריי שטודירען די נאַטור, און ערשט נאכדעם, ווי ס'איז געפאַלען איהר געזעלשאַפטליכע הערשאַפט, האָבען זיך גענומען ענטוויקלען די נאַטור־וויססענשאַפטען.

וואס פאַר אַ ראָליע שפּיעלט איבערהויפּט אין דער בירגערליכער געזעלשאַפט דער גלויבען אין גאָט?

די סאָציאַלע אויפגאבע פון דער היינטיגער בורזשואַזיע בעשטעהט נישט בלויז אין שאַפען עשירות, נאָר אַז די עשירות זאָלען געשאַפען ווערען פון די לוין־ארבייטער, און פון די לוין־ארבייטער זאָל מען די עשירות אַוועקנעהמען און צוטהיילען זיי צווישען זיך, און די שאַפער, סיי די קאָפּ־ארבייטער און סיי די האַנד־ארבייטער, צו צו־וואַרפען פון די בעשאַפענע עשירות אַזאַ חלק, דאס זיי זאָלען האָבען פון וואַנען צו לעבען און זיך מעהרען און פרוכטבאַרען.

אָט די עשירות, אַוועקגענומען פון דעם ארבייטער, איז די מלחמה־רויב פון דער בורזשואַזיע. אַ דאַנק גאָט, איז די היינטיגע געזעלשאַפט אַזוי קונציג צונויפגעשטעלט, דאס קיין איין מיטגליעד פון דער בורזשואַזיע דארף נישט ריזיקירען מיט'ן לעבען אום די עשירות צו זיך אריבערצופּעקלען. נישט ווי פריהער, ווען די בארבארישע פעלקער פלעגען זיך אַוועקלאַזען מיט קאַלטע און הייסע געוועהר אויף די נאָהענטע און ווייטע שכנים און צונעהמען ביי זיי די ווייבער, די שאָף און די

רינדער. דיא מעגליכקייט נתעשר צו ווערען אויפ'ן צווייטענס חשבון אָהן דיא קלענסטע געפאהר פאר דאס אייגען לעבען — דאס איז דער גרעסטער נצחון פון אונזער קולטור. דיא גערויבטע עשירות ווערען פערטהיילט צווישען דער בורזשואזיע נישט אין גלייכע חלקים וויא דיא בארבארען פלעגען דאס טאָהן; יעדער איינער באקומט זיין חלק אין דער פארמע פון רענט, דיווידענד, פראָצענט, פראָפיט, נאָכ'ן גרויס נאָך פון זיין אייגענטהום, סיי בעוועגליכען (געלד, סחורה, ווערטה־פאפּיערען), סיי אונבעוועגליכען (ריעל עסטייט).

האָט נאר אימיצער אייגענטהום, קאפּיטאל, ער מעג זיין אפילו א קאליקע, א אידיאָט אָדער אן אויסוואורף, איז ער שוין בערעכטיגט צו באקומען א חלק אין דעם רויב. א קליין עופה'לע האָט אין דעם פרט דאס זעלביגע רעכט, וואס אן ערוואקסענער מענש; א מת אפילו, כל־זמן דער יורש האָט נאָך נישט איבערגענומען דיא ירושה. בכלל האָט דאָ דער מענש גופא קיין שום ווערדע נישט, דיא הויפּט־זאך איז דאס אייגענטהום.

מען האָט האָלט צו פערגלייכען דעם דארווינסטישען קאמפּף פאר עקזיסטענץ, וואס מען טרעפט ביי דיא חיות, מיט'ן כלומרשט'דיגען קאמפּף פאר דיא פעטע חלקים צווישען איין בורזשוא און דעם צווייטען. אבער אזא מין פערגלייך איז גאָלע אונזינן. כח, מוטה, געדולד, שכל, געשייטקייט, אָט דיא אללע מעלות, וואס העלפען דער חיה מנצח צו זיין אין דעם קאמפּף אום'ס דאזיין, דארף דער בורזשוא פאר זיין לעבענס־קאמפּף לחלוטין נישט האָבען. לומפּעריי, אינטריגען, שארלאטאנסטווע, קאנען איהם פערקעהרט, יע א מאָהל העלפען גרעסער צו מאכען דעם ווערטה פון זיין קאפּיטאל און בזכות זה צו באקומען א פעטערען חלק. אין דעם פאל בע'גנב'עט ער אייגענטליך דיא „גענאָסען" זיינע, דיא מיטבורזשוא.

דיא סאָציאלע שליחות פון דער בורזשואזיע מאכט פון איהר אויף אזא'ן אופן א קלאָס פון פּאראזיטען, דארמאָיעדניקעס. דיא ארבייט, וואָס דיא בורזשוא טהוען אויף, אויב זיי טהוען נאָך איבערהויפּט עפּעס אן ארבייט, איז ווייט נישט פּראָפּאָרציאָנעל מיט זייערע חלקים.

דאס קריסטענטהום, אין דיא ערשטע יאהר־הונדערטער, איז געווען דיא רעליגיאָן פון דיא בעטלער, וואס זיי פלעגען פערזארגט ווערען מיט מיטלען צום לעבען פון דער מלוכה און פון דיא רייכע. וואס איז דער חידוש, אז דאס קריסטענטהום איז שפּעטער געווארען דיא רעליגיאָן פון דער בורזשואזיע, וועלכע צוטהיילט צווישען זיך טאג־טעגליך עשירות, וואס אנדערע הענד האָבען בעשאפען. וויא עס פּאסט זיך דאס אויף דער בורזשואזיע יעזוס'עס בעוואוסטע דרשה אויפ'ן בארג מיט זיין „אבינו מלכנו"; מען בעט דארטען „דיא טעגליכע חיונה" ביי גאָט, אנשטאט צו פערלאנגען דאס פון דער ארבייט.

„טהוט א קוק אויף דיא פויגעל אונטער'ן הימעל, זאגט יעזוס, זיי זייען נישט, זיי שניידען נישט דיא תבואה, און פון דעסטוועגען שפּייזט זיי אייער פאטער אין הימעל... בכן, זאָרגט נישט, און זאגט נישט: וואס וועלען מיר מאָרגען עסען און טרינקען? וואו וועלען מיר נעהמען א שוך — א קלייד?... אייער פאטער אין הימעל ווייס שוין, אז איהר דארפט דאָס אלץ האָבען..."

דער פאטער אין הימעל פון דער בורזשואזיע — דאס איז דיא קלאָס פון דיא לוין־ארבייטער; אָט דאס איז דער גאָט, וואס ער פערזאָרגט זיא מיט אל־דעם פארטיגען.

אזוי וויא דיא בורזשואזיע ציטערט כסדר פאר איהרע הכנסות, דיא וואס זיא האָט שוין אריינגעקראגען, און דיא וואס זיא דארף נאָך ערשט אריינקריגען, סטארען זיך איהרע עקאָנאָמען, פילאָזאָפען, עטיקער, היסטאָריקער, סאָציאָלאָגען און פּאָליטיקער, אויסצוגעפינען, צי עס זיינען נישט פאראן פיעלייכט, א חוץ דער לוין־ארבייט, עפּעס אנדערע קוואלען, וואס האָבען בעשאפען דיא געזעלשאפטליכע עשירות. אז מען זוכט—געפינט מען. און דיא געלעהרנטע האָבען שנעל ענטדעקט, אז א סך א וויכטיגערע ראָליע פון דער לוין־ארבייט שפּיעלען ביים בעשאפען דיא עשירות פון דער וועלט דיא הונדערטער שעהנע מעלות פון דיא פאבריקאנטען, סוחרים, ערד־בעזיצער, פינאנסיסטען, אקציאָנערען (דהיינו, זייער ארבייט, שפּאָרעוודיגקייט, אָרדנונג, עהרליכקייט, קענטענעס, טיפע חכמה); און פון דאנען איז שוין געדרונגען, אז זיי האָבען פאלשטענדיג דאס רעכט צו צונעהמען פאר זיך דעם פעטסטען חלק פון דער פּראָדוציערענדער סחורה.

דיא דאזיגע טהעאָריען זיינען געווען פאר דעם בורזשוא וויא געפונען, און ער האָט זיי באלד ערקלעהרט פאר הייליגע וואהרהייטען. אָבער וויא קלאָגעדיג עס זאל נישט זיין דיא אינטעלליגענץ זיינע, נאגט איהם נאָך אלץ דעם מח א שטיקעל ספק: ער זעהט דאָך בחוש ארום זיך — סיידען ער איז בלינד, — אז ווען אימיצער האָט נישט קיין קאפּיטאל, מעג ער אָבארבייטען דאס גאנץ לעבען און זיין דערביי טאקי אי קלוג, אי עהרליך, אי שפּארעוודיג, און

ער וועט פאָרט האָבען קדחות. און דער בורזשואַ קומט צו אַזאַ מין שלום: מה דאָך אַז דיא עקאָנאָמען, פילאָזאָפען און פּאָליטיקער, וועלכע זיינען אַזעלכע מאדים'ס אין אַללע שבע חכמות, האבען נישט געקאנט אויפזוכען אַ בעסערע ערקלעהרונג פארן אַרויסקומען פון זיינע עשירות, איז דאָך מסתמא פאַראַן דערין עפּעס אַ געטליכער סוד, עפּעס אַן אונבעקאנטע אורזאכע. און אָט אויף אַזאַ דרך טראגט דאס אַריין דער בורזשואַ אין דעם סאציאַלען סדר פון דער וועלט אַ נייעם עלעמענט — „דאס נישט־אויסגעפאָרשטע“.

דער סאָציאַלער סדר טאָהר בשום אופן נישט געשטערט ווערען אין זיין גאַנג, ווייל פון אַזאַ שטערונג וואלטען זיכער מחולה געווארען מעהר פון אַללעמען דיא אינטערעסען פון דער בורזשואַזיע. פאר איהר איז מחמת דעם נויטיג איין קלייניגקייט: דיא לוין־אַרבייטער זאלען זיין איינגעגלויבט וויא אַ פרומער איד אין משיח'ן, אַז אַללע איהרע עשירות האָט זיא כשר פערדיענט פאר איהרע מצוות און מעשים טובים. אָבער דער בורזשואַ גופא איז, דעם אמת זאָגענדיג, גאר נישט אַזוי זיכער ביי זיך, דאס זיין רייכקייט איז אַ שכר פון רבונו של עולם. און אגב קימערט ער זיך ווינציג וועגען דעם. דיא איינציגע זאך, וואס עס געהט איהם יע אָן, איז נאָר דיא עשירות זיינע חלילה ניט ארויסצולאָזען פון דער האַנד. און פערליערען זיי קאן ער יעדען ליעבען טאג אַפילו אָהן זיין אייגענע שולד. זעהט ער נישט, וויא מענשען ווערען מיט איין קלאפּ פון רייך אָרים, און פערקעהרט, פון אָרים ווייעדער רייך? דאס רעדעלע דרעהט זיך... אָבער וואס זיינען דיא סבות, וואס עס טרייבען דאס רעדעלע? ער הויבט נישט אָן צו פערשטעהען. זיינע געלעהרטע דערציילען איהם דאָס נישט. און דיא אַללע ענדערונגען אין פערזענליכען פערמעגען, וואס ער זעהט אַרום זיך, זיינען ביי איהם נישט מעהר וויא אַ בלינדער צופאל; ס'הייסט „דאס נישט־אויסגעפארשטע“, דער געטליכער סוד.

ס'איז אונמעגליך צו ערווארטען, אַז דעם בורזשואַ זאָל זיך ווען ניט איז איינגעבען צו בעגרייפען דיא געזעץ, נאָך וועלכע עס ווערען פערטהיילט דיא עשירות. מיט דער ענטוויקלונג פון דער מעכאַנישער פראדוקציאָן, געהט אַריבער דאס אייגענטהום אין דיא קאָלעקטיווע אונפערזענליכע פאָרם פון אַקציען־געזעלשאַפטען, און דיא אַקציען שלינגט איין צום סוף דיא בערזע. דארטען געהען זיי אַרום פון האַנד צו האַנד, און נישט דער קונה, און נישט דער פערקויפער, ווייסען אַפילו נישט, וואס פאר אַ מין אייגענטהום דיא סחורה פערטרעט און וואו דאס ליעגט. מען בייט זיי אויס, איינער געווינט, איינער פערשפּיעלט, און דער גאנצער מסחר זעהט אויס וויא אַ שפּיעל. דיא היינטיגע עקאָנאָמישע ענטוויקלונג איז איבערהויפּט שטאַרק נוטה אומצוואַוואנדלען דיא קאפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אַלץ מעהר און מעהר אין איין ריעזיג אינטערנאַציאָנאַל שפּיעל־הויז, וואו דער בורזשואַ פערליערט קאַפּיטאלען און געווינט זיי צוריק, ניט וויסענדיג פון וואנען דאס קומט, ניט וויסענדיג קיין מאָהל פריהער צו עפּעס וועט געשעהען אָדער נישט. דער בלינדער צופאל הייסט דאס, „דאס נישט־אויסגעפארשטע“, וואס מען זעהט אַרומשוועבען אַרום דעם שפּיעל־טיש.

שפּיעל, איז ריזיקע. דיא מסחרים, וואס מען האָט אַזוי קלוג און געשייט אויסגעפּלאַנעוועט, פאַלען דורך, בעת אַזוינע, וואס מען האָט געפיהרט לייכטזינניג, וואקסען וויא אויף הייוועו. און ביי דעם קאַפּיטאַליסט, וואס זיין פערמעגען היינגט אב אן דער בערזע, ענטוויקעלט זיך דיא פּסיכאָלאָגיע פון פּראָפעסיאָנעלען געמבלער, ד. ה. פונקט וויא יענער איז ער פול מיט דיא סאמע נאַרישע אבערגלויבענס. און כמעט אַלע האַנדלונגען פון ציוויליזירטען לעבען פערשטארקען אין איהם נאָך מעהר אָט דיא אַבערגלויבענס. למשל דער קרעדיט, וואָס אָהן איהם איז אונמעגליך צו פיהרען אַ מסחר. דער וואס גיט דעם קרעדיט שפּיעלט זיך דא מיט'ן צופאל; ער האָט נישט קיין שום פּאָזיטיווע גאַראַנטיע, אַז דער קרעדיטאר וועט איהם בעצאָהלען, ווייל יענעם'ס קרעדיט־פּייהיגקייט היינגט אב אן טויזענדער אונבעקאנטע צופעליגע סבות, וואס מען קאן נישט פאראויסזעהן. אָדער נעהמט אַן אסיגנאַציע. דאכט זיך, אַ שטיקעל פּאַפּיער, און ס'אַראַ גוואלדיגע סאציאלע קראפט דאס האָט! זיין בעל־הבית גיט דאס ברויט, פלייש, וויין, אַ הויז, פערד, ווייבער, געזונד, כבוד, א. ז. וו. גאָט אַליין וואלט מעהר נישט געקאנט אויפטהאָן וויא אָט דאָס פּאַפּירעל. וויא־זשע זאָל ביי דעם בורזשואַ טאַקי אין דער אמת'ען נישט פערבונדען ווערען אין מח דיא קראפט פון דער אַסיגנאַציע מיט אַ מיסטישער, „נישט־אויסגעפאָרשטער“ געהיימניס, מיט דער עקזיסטענץ פון אַ וועזען אָהן אַ גוף?

אַ קריזיס אין מסחר און אינדוסטריע שטעלט זיך פאר דער בורזשואַ אַלס אַ קראפט וואָס לאָזט זיך נישט קאָנטראָלירען און וואס פערשפּרייט אומגליק, וויא אַ שטייגער דער גרימצאָרן פון קריסטליכען גאָט. ווען דיא

מין קראפט ברעכט אויס אין דער ציוויליזירטער וועלט, מאכט זיא אן א חורבן אין דער בורזשואזיע, און בריינגט אום מילליאָנענוויים פראדוקטען און פּראָדוקציאָנס־מיטלען. שוין באלד הונדערט יאהר ווי די בירגערליכע עקאָנאָמען צייגען אן, אז א קריזיס קומט רעגעלמעסיג אין בעשטימטע פעריאָדען; פון דעסטוועגען ביז יעצט געפינען זיי נאך אלץ נישט כאָטש איין לאָגישע סבה פון איהר קומען. דיא ענגלישע עקאנאמען זיינען, צום ביישפּיעל, אוועק זוכען דיא סבה פון קריזיס—אויף דער זונן: דיא פלעקען פון דער זונן, זאגען זיי, זיינען שולדיג אין דער טריקענעס, וואס מאכט א תל פון דיא אינדישע תבואות; דיא אייראפּעאישע סחורות קאנען דורכדעם נישט געפינען קויפער אין אינדיען, און עס קומט בכן א קריזיס. נו, זיינען אין א קריזיס נישט שולדיג דיא פלעקען אויף דער זונן? א פיינער משל אפילו! גאר וויא אין מיטעל־אלטער, ווען אללע געשעהעניסען אין געזעלשאפטליכען און פּאָליטישען לעבען האָבען דיא געלעהרנטע שטערנזעהער פערטייטשט דורך דעם חבר'ן זיך פון דיא שטערן אין א לבנה נאכט...

און נאך א סך אנדערע נישט־אויסגעפארשטע געהיימניסען, וועלכע דיא עקאנאמען מאכען זיי אוועק מיט דער האנד, ווייל זיי קאנען זיי נישט פערענטפערען וויא געהעריג איז, געפינט דער בורזשואַ אין דער עקאנאמישער וועלט. און אללע מאָהל, וואס ער דערפיהלט אויף זיין אייגענער פעל דיא ווירקונג פון דיא „אונקאָנטראָלירענדע“ עקאָנאָמישע קרעפטען, בויגט ער איין דעם קאָפּ מיט עניות און איז מקבל באהבה דיא אונגליקליכע אנשיקענים. „ה' נתן וה' לקח“, זאגט ער מיט איוב'ס ווערטער. קאן ער וואס אנדערש טאָהן, אדרבא? דעם גלויבען אין מכשפות, וואס מען טרעפט ביי דיא ווילדע, דעם גלויבען אין א נשמה, אין רוחות, אין גאָט, ערקלעהרען דיא געלעהרנטע איינפאך דערמיט, וואס דיא ווילדע זיינען נישט געוועזן בעקאנט מיט דער נאטור, מיט איהרע כחות און איהרע וועגען. ווען מען טרעפט דעם גלויבען אין גאָט און אנדערע איבערנאטירליכע פארשטעלונגען ביי ציוויליזירטע מענשען, דארף מען דאס ערקלעהרען אויפ'ן זעלבען אופן: דיא גלויביגע, וויא יענע ווילדע, זיינען נישט בעקאנט מיט דער סאציאלער וועלט, מיט איהרע קרעפטען און איהרע פיהרונגען.

דיא נאטור־וועלט, וואס רינגעלט ארום דעם ווילדען פון אלע זייטען, ווארפט אויף איהם אָן א שרעק, רייצט אויף זיין פאנטאזיע. פונקט אזא ווירקונג האָט אויפ'ן מח פון דעם בורזשואַ דיא סאציאלע וועלט, און ער ראטעוועט זיך, בעהאלט זיך אין דעם גלויבען אין גאט. צו זיין גליק, האָט ער שוין געפונען אויף דער וועלט א פארטיגען גאט מיט אלע זיעבען זאכען; א־ניט, וואלט ער נעבאך געמוזט אליין דעם גאט בעשאפען, און אזוי וויא שאפען איז ער נישט געוואוינט, וואלט ער טאקי געשוויצט, אוי, געשוויצט!...

דער בורזשואַ ווערט פערטומעלט נישט נאר פון דעם נישט־אויסגעפארשטען שפּיעל פון דיא עקאנאמישע קרעפטען, וואס בעשאפען און בריינגען אום פערמעגענס כחרף עין; נאָך מעהר קאן ער נישט בעגרייפען דעם ברוטאלען וויעדערשפּרוך פון דעם, וויא ער און זיין קלאסע לעבט, מיט דיא אלגעמיינע בעגריפען פון יושר, מאָראל, עהרליכקייט. דיא דאזיגע בעגריפען זיינען ביי איהם גאנץ הייליג, אָבער נאר דערמאלט, ווען עס האנדעלט זיך וועגען דעם צווייטענס נשמה, נישט זיינער. כדומה למשל, אז א סוחר רוקט אריין זיינעם א קונד א צופוילטע שטיקעל סהורה, וויל ער פון דעסטוועגען מען זאל איהם בעצאהלען מיט כשר'ע מטבעות; אז דער פאבריקאנט בעשווינדעלט דעם ארבייטער ביים אבוועגען אָדער אבמעסטען דיא אויפגעטונענע ארבייט, פערלאנגט ער פון דעסטוועגען יענער זאל ביי איהם נישט צו'גנב'ענען איין מינוט פון דער ארבייט, ווייל פאר יעדער מינוט בעצאהלט ער איהם; אז דער פּאטריאָט —יעדער בורזשואַ איז א פּאטריאָט,—פערכאפּט דאס לאנד פון א שוואכערען פעלקערל, וועט ער פון דעסטוועגען האלטען שטאהל און אייזען פאר דער גאנצקייט פון זיין אייגענעם פאטערלאנד. יושר, מאָראל, עהרליכקייט און אנדערע מעהר אָדער וועניגער אייביגע פּרינציפּען, האָבען א ממשות ביי דעם בורזשואַ נאר אין דעם פאל, ווען זיי דיענען זיינע אינטערעסען.

מען האָט געקאנט מיינען, אז אָט דער ווידערשפּרוך צווישען מאָראל און ווירקליכקייט זאָל א ביסעל מחולה מאכען ביי דעם בורזשואַ זיין אידעע וועגען א גאָט פון גאָלע יושר. עס הויבט זיך גאר נישט אָן. אדרבא. דיא דאזיגע אידעע ווערט נאָך דורך דעם ווידערשפּרוך שטארקער געמאכט, און ס'ווערט שוין פאר איין גאנג בעשאפען א שפּאָגעל־נייע אידעע — דיא אונשטערבליכקייט פון דער נשמה. דיא נייע אידעע באקומט איהר זאפּט, איהר לעבענסקראפט פון דעם בורזשואַ'ס געוויינהייט, פאר אלצדינג, וואס ער טהוט און וואס ער טהוט נישט, צו ערווארטען געצאהלט. ווייל נאר אין דער זיסער האפענונג צו מאכען פּראָפיט, בעשעפטיגט ער דהיינו ארבייטער, פאבריצירט כל

המינים שהוא, קויפט, פארקויפט, אנטלייהט געלד, דרעהט, קעהרט א וועלט. אין דעם טאָהן גופא געפינט ער נישט קיין שום פערגעניגען, דער עיקר איז ביי איהם—דער ריוח. ווען ער האָט א ברייטע האנד, טהוט א גמילת חסד, איז אנשטענדיג, אָדער סטארעט זיך לכל הפחות נישט צו זיין אונאנשטענדיג, איז פאר איהם ווינציג, וואס ער קאן זיין צופריעדען מיט זיך אליין. ער מוז דא נאָך עפעס מאכען ביים מסחר. און ווען ער קריגט נישט זיין שכר אויף דער וועלט, ריכט ער זיך איהם אבצו־נעהמען אויף יענער וועלט, פערשטעהט זיך מיט'ן גאנצען פראָצענט ביז איין גראָשען. און ער ריכט זיך נישט נאר אויף א שכר פאר דיא מעשים טובים זיינע און פאר דיא עברות, וואס ער האָט געקאנט טאָהן, און פון דעסטוועגען האָט ער זיי נישט געטאָהן; ער האפט אפילו אויפצומאָהנען דעם שאדענערזאץ פאר אללע זיינע שלים־מזל'דיגע מסחרים, פאר דיא נישט־געלונגענע ספעקולאציעס, פאר דיא ביטערע ענטטוישונגען, פאר'ן עגמת־נפש, וואס ער האָט ווען עס איז געהאט. אנדערש פאסט פאר איהם נישט. אין עולם הבא־איז ער זיכער ווי א אין דער אססיגנאציע. זיין ליעבער גאָט, דער גאָט פון יושר, דער גאט וואס איז בעצירט מיט אלע בירגערליכע גוטע מעלות, מוז איהם אויסצאה־לען פאר דיא גרויסע און קליינע צרות אויף דער וועלט. אין דעם הימעלשען האנדעלס־געריכט וועלען גוט געמאכט ווערען דיא חשבונות, וואס אויף דער ערד זיינען זיי געבליעבען נישט־אויפ־געמאַנט.

צונעהמען פאר זיך דיא עשירות וואָס דער לוין־ארבייטער האָט געשאפען, הייסט ניט ביים בורזשוא אונגערעכטיגקייט. דיא גנבה האלט ער פערקעהרט פארן סאמע יושר'דיגען יושר, און ער קען גאָר ניט בעגרייפען, אז גאָט ברוך הוא זאָל קוקען אויף דער זאך מיט אנדערע אויגען. דאָך, גלויבט ער נישט, אז עס וועט זיין געגען דעם פרינציפ פון יושר, ווען מען זאָל ערלויבען דיא ארבייטער צו פערלאנגען א פערבעסערונג פון זייערע לעבענסבעדינגונגען און ארבייטס־בעדינגונגען. ער וויים אָבער גאנץ בעשטימט, דאָס אזא מין פערבעסערונג קען מקוים ווערן נאָר אויף זיין חשבון, און ער האלט דארום פאר א קלוגע פאָליטיק צוצוזאָגען דיא ארבייטער עולם הבא, וואו זיי וועלען לעבען פונקט וויא דיא בורזשוא אויף דער וועלט, זאָל גאָר פעהלען א האָר. דארף מען נאָך א ביליגערן מיטעל אום צופריעדען צו שטעלען דאָס שטריינגע פרינציפ פון יושר? אָט אזוי ווערט דאָס פערוואנדעלט דער גלויבען אין עולם הבא אין א ווערקצייג פון עקספלואטאציאָן.

וויא באלד, אז דיא חשבונות פון דער וועלט ווערען איינמאָהל פאר אלע מאָהל גוט געמאכט אין דעם בית דין של מעלה, ווערט גאָט אויף אזא אופן א דיין צדק, וואָס דעם גוטען שיקט ער אין גן עדן אריין און דעם שלעכטען אויף קאַ־טאָרזשנע ארבייט. דער משפט ווערט נאטירליך געפיהרט נאָך דעם געזעץ־בוך פון א ציווילי־זירטער מלוכה.

דעם היינטיגען בורזשוא אינטערעסירט דער עיקר דאָס, וואָס ער וועט בעקומען אויף יענער וועלט פון רבונו של עולם אין דעם גרוי־סען יום הדין. ווייטער ארט איהם נישט, אז דיא מענשען, וועלכע האָבען איהם פערזענליך געטהאָן שלעכטס, זאָלען זיך ארויסדרעהען פון משפט גאָר אָהן א שום שטראף. זיין כעס אויף דיא שונאים האלט געוויינליך לאנג נישט אָן. ווייל ער איז תמיד נוטה ווידער מיט זיי אריינ־צוטרעטען אין געשעפטליכע פערבינדונגען, זאָל נאָר זיין דערביי א געלעגענהייט צו מאכען א פאָר סענט. ער האָט זאָגאר דעם טיעפסטען רעספעקט פאר דיא מענשען, וועלכע האָבען איהם בעשווינדעלט, ווייל נאָך אלעמען האָבען זיי געטהאָן מיט איהם דיא זעלבע זאך, וואָס ער האט מיט זיי פריהער געטהאָן אָבער וויינינ־סטענס געוואָלט טהאָן. אין דער בירגערליכער געזעלשאפט טרעפט איהר אלע טאָג לייטליך מיט א סקאנדאלעזער פערגאנגענהייט, וועלכע פיהרען גרויסע געשעפטען און שפיעלען נאָך א ראָליע אויך. דאָס געלד וואָס זיי האָבען מאכט זיי כשר וישר.

האָס, נקמה, — פאר'ן בורזשוא איז דאָס נישט קיין עסק, ווייל דאָס ברייננט נישט אריין קיין ברעקעל פראָפיט. זיין גאָט דארף דאריבער קיין שום גיהנם נישט האָבען פאר דיא רשעים, ד. ה. פאר דיא מענשען, וועלכע האָבען דעם בורזשוא געטהאָן שלעכטס.

דעם בורזשוא'ס גלויבען אין גאָט און אין דיא אונשטערבליכקייט פון דער נשמה איז אלזא דאָס פראָדוקט פון זיין סאָציאלער לאגע און אומגעבונג. ער וועט ערשט דאן בעפרייט ווערען פון דעם דאָזיגען גלויבען, ווען מען וועט ביי איהם צונעהמען אלע עשירות וואָס ער האָט אוועקגע'גנב'עט פון דיא לוין־ארבייטער, און ווען ער וועט אויפהערען צו זיין א פאראזיט און ווערען א פראָדוקטיווער ארבייטער מיט אלעמען צוגלייך.

(א צווייטער ארטיקעל פאָלגט).

פריי איבערזעצט דורך ה. א—וו.

דיא אלטע און דיא נייע אינטערנאציאנאלע

פון פּראָפעסאָר ווערנער זאמבארט *)

1.

דיא אלטע אינטערנאציאָנאלע

פּראָלעטאַריער פון אַללע לענדער פעראייניגט אייך!“ מיט דיעזע ווערטער האָט קארל מארקס געענדיגט זיין בעריהמטען „קאָמוניסטישען מאניפעסט. דאָס איז געווען ערב דער רעוואָלוציאָן פון 1848, אָבער „נור וועניג שטימען“ האָבען זיך אָבגערופען אויף זיין אויפרוף. דיא בעוועגונג פון 1848 איז טאַקע געווען א פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטישע, אָבער זיא איז אין א סך ערטער געשטאָרבען באַלד וויא זיא איז געבאָרען געוואָרען. אין דייטשלאַנד, וואו מארקס אליין האָט געלעבט, האָט זיא איבערהויפּט ניט געקראָגען קיין וויכטיגע בעדייטונג. אין ענגלאַנד האָט עס א ווייל׳ע אויסגעוויזען אז דיא פעברואר רעוואָלוציאָן וועט אריינבלאָזען א נייע נשמה אין דעם פערעלטערטען טשארטיזמוס, אָבער אויך דאָ איז דיא בעוועגונג געבאָרען וויא א מפּיל־קינד. דיא פראַנצויזישע בעוועגונג איז אלזאָ געבליעבען אליין, וויא אזוי זיא האָט זיך געענדיגט איז ידוע. און דאַן האָט זיך אראָב געלאָזען איבער אייראָפּא דיא פינסטערע נאכט פון רעאקציאָן. עס איז אויסגעריסען געוואָרען יעדע זריעה פון א זעלבסטשטענדיגע סאָציאליסטישע ארבייטער־בעוועגונג, און נור אין ענגלאַנד האָט זיך ביסלאַכוויז ענטוויקעלט דיא טרייד יוניאָניסטישע בעוועגונג.

אָבער דיא פּאָליטישע רעאקציאָן האָט בשום אופן ניט געקענט אבהאַלטען דיא סאָציאלע רעוואָלוציאָן. פאר דעם האָבען שוין געזאָרגט דיא גאָלד מיינס פון קאליפאָרניא און אויסטראליען, וועלכע האָבען געגעבען דעם קאַפּיטאַליזמוס א נייעם געוואלטיגען שטויס. דורך א מערקווירדיגען צוזאמענטרעפען פון צופאלל זיינען זיי אויסגעפונען געוואָרען דוקא אין דעם רעוואָלוציאָנס יאָהר 1848. דיא „פינסטערע“ 1850ער יאָהרען זיינען פאר דיא קאַפּיטאַליסטישע וועלט געווען אזאַ שטראַהלענדע גאָלד־בעלייכטעטע צייט, וויא נאָך קיין מאָל ניט פריהער. אָבער וואו דיא ליכט איז געווען שטאַרק, דאָרט האָט אויך דער שאָטען געמוזט ווערען שטאַרקער.

זייט דעם אָנפאנג פון דיא 60ער יאָהרען הויבט זיך וויעדער אן צו בעמערקען א רוח־חיים אין דער ארבייטער־בעוועגונג. זיא קומט ביסלאַכווייז צו זיך פון דיא קלעפּ און אונטערדריקונגען פון דיא פריערדיגע יאָהרען און מען הויבט זיך וויעדער אן צו אינטערעסירען מיט׳ן עפענטליכען לעבען. דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואָס דיא דאָזיגע אינטערעס פאר א נייעם זעלבסטשטענדיגען לעבען קריגט מיט איין מאָל א אינטערנאציאָנאלען כאראקטער. דאָס איז נאַטירליך ניט געווען קיין צופאלל, אזוי וויא עס איז ניט געווען קיין צופאלל אז דיא ארבייטער פון אללע לענדער האָבען זיך דעם ערשטען מאָל געריכט ברידערליך דיא הענד אויף איין אויסשטעלונג: דאָס איז געווען, ווייל דער קאַפּיטאַליזמוס אליין האָט זיך שטאַרק ענטוויקעלט און איז געקומען צום פּונקט פון אינטערנאציאָנאַליטעט. דיא אייראָפּעאישע לענדער האָבען אָנגעהויבען נאכצוטאָהן ענגלאַנד. דיא האנדעלס־פּאָליטיק איז ארויסגעריסען געוואָרען פון איהרע ענגע ד׳ אמות, דורך א רייהע אָבמאכונגען, וואָס האָבען געהאָלפען צו פעראייניגען אייראָפּא אין איהר עקאָנאָמישען לעבען.

און זייט יענעם אָנפאנג פון דיא 60ער יאָהרען איז דער געדאנקען וועגען אינטערנאציאָנאַליטעט קיין מאָל מעהר ניט פערשוואונדען געוואָרען פון דער פּראָלעטארישער בעוועגונג, הגם ער האָט אין דיא שפּעטערע יאָהרען אָפט אָנגענומען פערשיעדענע פאָרמען.

דיא ערשטע פאָרמע, אין וועלכע עס איז געמאכט געוואָרען א פּראָבע פאר איין אינטער־

---

*) דעם 15 פעברואר איז געוואָרען דרייסיג יאָהר זינט דיא אינטערנאציאָנאלע ארבייטער אסאָציאציאָן, וועלכע איז בעקאנט אין דער געשיכטע אונטער דעם קורצען נאָמען דיא „אינטערנאציאָנאלע“ האָט זיך אויפגעלעזט. אבצופרישען דעם זכר פון יענער בעריהמטער „פאראייניגונג פון פּראָלעטאריער אלערלענדער“ גיבען מיר דאָ דעם בעלעהרענדען ארטיקעל. דער פערפאסער פון דעם ארטיקעל, דער בעוואוסטער דייטשער געלעהרטער, געהערט אפילו ניט צו דיא סאָציאליסטישע קרייזען, אָבער זיין אנטהייל און בעלייכטונג פון דער זאך שטעהען נאָהענט צו דער סאָציאל דעמאָקראטישער, און אפילו קריטיקירענדיג דיא „אינטערנאציאָנאלע“ רעדט ער וועגען איהר מיט אכטונג. (רעד).

נאציאָנאַלע פעראייניגונג פון דיא פּראָלעטאַריער, איז דיא בעריהמטע אינטערנאציאָנאלע ארבייטער אסאציאַציאָן.

עס איז געווען אין יאָהר 1862, ווען פראנצויזישע ארבייטער אין לאָנדאָן האָבען זיך אויף דער דאָרטיגער וועלט־אויסשטעלונג צוזאמענגערעדט מיט ענגלישע ארבייטער צו בעראטהען זיך צוזאמען וועגען געוויסע ארבייטער־אנגעלעגענהייטען. זיי האָבען דאן אָבגעהאלטען נאָך מעהרערע פערזאמלונגען, און אין יאָהר 1864 איז געגרינדעט געוואָרען א בונד מיט דעם צוועק צו פעראייניגען דיא ארבייטער פערטרעטער פון פערשיעדענע לענדער, כדי צוזאמען צו פערטהיידיגען דיא אינטערעסען פון דיא ארבייטער. דאָס איז געווען דיא אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער אסאציאציאָן.

וועלכע אויפגאבע, וועלכען צוועק האָט געקענט האָבען אזא פערבאנד? ווארשיינליך א צווייפאכען צוועק: ענטוועדער האָבען זיי געוואָלט שאפען א מין קאָרעספּאָנדענץ־ביורא, א מין קאנצעלאריע, וואוהין דיא ארבייטער פון פערשיעדענע לענדער זאָלען זיך קענען ווענדען, אום צו קריגען ערקלערונגען איבער פערשיעדענע פראגען פון דער סאָציאלער בעוועגונג. דאָס הייסט אלזאָ א אינסטיטוט, וואָס זאָל האָבען איין איינפלוס אויף דיא שטרעבונגען פון דיא ארבייטער אין איינצעלנע לענדער.

אָדער זיי האָבען געדארפט שאפען א מיטעל־פונקט פאר דער ארבייטער בעוועגונג גופא; אן אָרט, פון וואַנען דיא ארבייטער בעוועגונגען זאָלען ווערען אויפגעמונטערט, אויפגעלעבט און וואָס זאָל קענען פיהרען דיא בעוועגונג אין יעדען לאנד. דער וויכטיגסטער פערטרעטער פון דיעזע מיינונג איז געווען קארל מארקס, וועלכער איז ביי דער גרינדונג פון דער אינטערנאציאָנאלע ארבייטער אסאציאציאָן גערופען געוואָרען צו שפּיעלען דיא הויפּט ראָלע. ביי איהם האָט דיא אינטערנאציאָנאַלע ארבייטער אסאציאציאָן געדארפט זיין דיא ערסטע פּראָבע פאר זיין אויפרוף „ארבייטער אלער לענדער פעראייניגט אייך!“ און מארקס האָט ניט געצווייפעלט קיין אויגענבליק, אז דער מיטעל־פונקט, וואָס ער וויל שאפען כדי צו פעראייניגען דיא נאציאָנאַלע ארבייטער־בעוועגונגען, וועט זיין נאָך זיין וואונש. פון דעסטוועגען האָט ער איינגעזעהען, אז מען מוז זיין זעהר פאָרזיכטיג, ווען ער זאָל דיא אלע פערשיעדענע שטרעמונגען וועלען פעראייניגען אין איין מעכטיגען שטראָם.

„דיא אינטערנאציאָנאַלע ארבייטער אסאציאציאָן איז געגרינדעט געוואָרען אויף דעם פּרינציפּ פון דער בעקאנטער „אינאוגוראל־אדרעס“ און פון די סטאטוטען. ביידע זיינען אויסגעארבייט געוואָרען פון מארקס'ען און ביידע זיינען אָנגענומען געוואָרען לויט זיין געדאנקען. מיר זעהען אין זיי ביידען א גרויסע דיפּלאָמאטישע ווערק. דיא „אינאוגוראל אדרעסע“ איז איין אמת'ע מייסטערווערק פון דיפּלאָמאטישער קונסט. זיא איז ניט קלאָר אין איהר גאנצען פּלאַן, אָבער זיא קומט פון קארל מארקס, און זיא איז מיט א כיוון געמאכט געוואָרען ניט קלאָר. איהר צוועק האָט געזאָלט זיין צו פעראייניגען אללע טהיילען פון דער ארבייטער־בעוועגונג: דיא פּרודאָניסטען מיט זייערע חברים פון פראַנקרייך, דיא געווערקשאַפטען פון ענגלאנד, דיא מאַשיניסטען פון איטאַליען און דיא אנהענגער פון לאסאל'ס בעוועגונג אין דייטשלאנד. און דאָס האָט זיא אין אמת'ן אויפגעטהאָן. זיא איז גערעכט צו אלעמען און צו יעדען, זיא שילדערט מיט הערצרייסענדע ווערטער דעם עלענד, אין וועלכען דיא ארבייטער זיינען פערזונקען דורך דעם קאפּיטאַליזמוס; אָבער — זיא אנערקענט אויך דעם ערפאָלג פון דיא ענגלישע טרייד־יוניאָנס. זיא ריהמט דיא מעלות און דיא נוצען פון דיא פרייע קאָמפּאראציאָנס־בעוועגונג פון פּרודאָן און בושע און זיא האָט אויך א פריינדליכען ווארט פאר דיא פּראָדוקציאָנס געזעלשאַפטען מיט דער אונטערשטיטצונג פון שטאאט וועלכע לאסאל און בלאן האָבען געפאָדערט.

דיא הויפּטזאך האָט מען געזעהען קלאָר, אז דיא פּראָלעטאריער פון אלע לענדער מוזען פערשטעהען וויא נויטהיג עס איז פאר זיי דיא אינטערנאציאָנאַלע סאָלידאריטעט. אין אייניגע אלגעמיינע בעמערקונגען, וואָס זיינען געוויס ניט וועלענדיג ארויסגעקומען פון מארקס פעדער, געפינען דיא ארבייטער־פערטרעטער דעם באנד, וואָס דארף זיי פעראייניגען און דיא נאציאָנאַלע שטרייט־פונקטען ווערען אויסגעגליכען. דיא „סטאטוטען“ ווערען זאָגאר איבערגעגעבען מיט א גאנצע רייהע פאָרשלעגע, וועלכע ענטהאלטען אין זיך דיא גרונד־לעהרען פון מארקסיזמוס — מיט געוויסע ענדערונגען. איך מיין, צום ביישפּיעל זיין אפּילו צו דיא „טרייהייט, גערעכטיגקייט און מאָראַל“. אָבער אויך דערמיט איז ער ניט קיין כופה הר כגיגית, ער וויל ניט ארויפצווינגען זיינע אידעען, און יעדער קען זיך דענקען וויא ער ווילל. וועגען דעם צוועק פון דער „אינטערנאציאָנאַלער ארבייטער אסאציאציאָן האָט מען וועניג גערעדט. איהר טהעטיגקייט איז אין דיא ערשטע יאָהרען בעשטאַנען איבערהויפּט אין אונטערשטיטצונג אין דיא צייט פון סטרייקס און דערפאר האָט זיא געהאט דיא סימפאטהיע

אפילו א חוץ דיא ארבייטער קרייזען.

דאָ אָבער הויבט אן מארקס סיסטעמאטיש צו פערווירקליכען זיינע פּלענער, דאָס הייסט, לאַנגזאם צו אריינגעבען זיין גייסט אין דיא אינטערנאציאָנאַלע ארבייטער אסאציאציאָן און צו פיהרען דורך איהר דיא ארבייטער בעוועגונג אין פערשיעדענע לענדער. ווען מיר בעטראכטען די קאָנגרעסען פון דער „ארבייטער אסאציאציאָן„ אין גענף 1866, אין לאזאן 1867, אין בריסעל 1868, אין באזעל 1869, דאן זעהען מיר וויא טריט ביי טריט, פון איין קאָנגרעס צום צווייטען נעהמט אן דיא אינטערנאציאָנאַלע ארבייטער אסאציאציאָן אלץ מעהר מארקסיסטישע אידעען, פון זיך אליין, ניט וויסענדיג און קיין איינציגען מאָל ניט ארויספיהרענדיג אויף דער ביהנע דעם רוח החיים, וואָס האָט געפיהרט דיא גאנצע בעוועגונג.

אָבער עס איז ווערט צו בעמערקען, אז הגם דער אינטערנאציאָנאַלער ארבייטער־פערבאנד איז געפיהרט געוואָרען מארקסיסטיש, זיינען אָבער דיא ארבייטער דאמאלס דאָך ווייט געווען פון מארקס אידעען. וואָס מעהר דיא „אינטערנאַציאָנאַלע“ קריגט א מארקסיסטישען כאראקטער, אלץ מעהר בעווייזען זיך דיא געגנער. עס טרעטען ארויס דיא פּרודאָניסטען, נאכדעם דיא געווערקשאַפטען. איבערהויפּט זינט מארקס האָט ערקלערט, אז ער וויל נעהמען אנטהייל אין דער קאָמונע־רעוואָלוציאָן אין פּאריז; עס ווערען אויך אונצופריעדען דיא אנהענגער פון לאסאל. א גרויסע טהייל פון דער אפּאזיציאָן האָט זיך אין דיא ענדע פון דיא 60ער יאָהרען פערקערפּערט אין איין מאן, מיחאיל באַקונין. עס איז מעגליך, אז דיא פּערזענליכע שטרייטיגקייטען דורך דער אפּאזיציאָן זיינען געווען דיא הויפּט אורזאַכע, וואָס דיא „אינטערנאציאָנאַלע ארבייטער אסאציאציאָן“ איז פאנאנדער געפאַלען; אָבער איך צווייפעל ניט אז באַקונין׳ס אפּאזיציאָ געגען מארקס האָט געהאט זעהר א וויכטיגע בעדייטונג.

אין יאָהר 1868 האָט באַקונין געגרינדעט דיא „אינטערנאציאָנאַלע אלליאנס פון דיא סאָציאַל־דעמאָקראטען,“ אין וועלכע עס האָבען זיך פערייניגט איבערהויפּט איטאַליענישע און שפּאַנישע סאָציאַליסטען און אויך פראנצויזען. אין דיעזע „אלליאנס“ ווייזט זיך ארויס קלאָר און שאַרף דער פּרינציפּיעלער געגענזאַץ געגען מארקס. דאָ זעהט מען ארויס דייטליך דיא מיינונגס פערשיעדענהייט אין דעם פּרינציפּ פון רעוואָלוציאָן און עוואָלוציאָן, צווישען רעאַליסטישען און אידעאליסטישען בעגריף פון דער געשיכטע. באַקונין בויעט זיין גאַנצען פּלאַן אויף דער אידעע פון א געוואַלטזאמער רעוואָלוציאָן, ער גלויבט, אז רעוואָלוציאָנען מוזען געמאַכט ווערען, ווייל זיי קענען געמאכט ווערען; אָבער קארל מארקס פּרינציפּ איז אז דיא רעוואָלוציאָן איז העכסטענס דער לעצטער רינג אין דיא קייט פון עקאָנאָמישער ענטוויקלונג: עס איז דאָסזעלבע וויא דער שאָלעכץ וואָס ווערט אליין צושפּרונגען ווען דיא פּרוכט ווערט אינוועניג רייף.

באַקונין׳ס אפּאזיציאָן, וויא בעקאַנט, האָט געפיהרט צום אונטערגאנג פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער אסאָסיאציאָן“. אין יאָהר 1872 ווערט די עקזעקוטיוו אוועקגעשיקט קיין נויאָרק, מסתמא צו פערמיידען אן עפענטליכע בעגרעבניס און אין יאָהר 1876 איז זיא אין גאַנצען אונטערגעגאנגען.

כאָטש זיא האָט פערהעלטניסמעסיג ניט לאנג געלעבט, כאָטש זיא איז וויא עס ווייזט אויס, געווען אונפּייהיג צו עקזיסטירען לענגער איז דיא „אַלטע“ אינטערנאציאָנאַלע דאָך פון זעהר א גרויסע בעדייטונג פאר דיא מאָדערנע ארבייטער בעוועגונג. ערשטענס האָט זיא געהאט אין זינען דיא אינטערעסען— סאָלידאריטעט פון „ארבייטער אללער לענדער פערייניגט אייך.“ דיא פאָרמע, וויא זיי האָבען עס געמאכט איז אפשר געווען ניט ריכטיג, דער פאקט בלייבט אָבער אז דיא פּראָלעטאריער פון אלע לענדער האָבען זיך פערייניגט, זיי האָבען בעוויזען, אז דיא אינטערנאציאָנאַלע טענדענץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג האָט געמוזט ארויסרופען דעם אינטערנאַציאָנאַליזמוס פון דער פּראָלעטארישער בעוועגונג.

צווייטענס האָט זיא, דיא „אינטערנאציאָנאַלע ארבייטער אסאציאציאָן,“ דיא ערסטע צוזאמענגעבראכט ארבייטער און ארבייט־פיהרער פון פערשיעדענע נאציאָנען אום צוזאמען זיך צו בעראטהען וועגען דער ארבייטער לאגע. אזא צוזאמענקומען האָט געהאָלפען דיא ארבייטער פון איין לאנד בעקאנט צו ווערען מיט דעם בעזונדערען כאראקטער פון דער סאָציאלער בעוועגונג און מען האָט געקענט אויסקלייבען דיא תבואה פון דיא פּסולת, מען האָט געוואוסט אן וועלכע פּאָליטיק זיך צו האלטען. זיא האָט אלזאָ געהאט דעם פּרינציפּ צו העלפען צו א אינערליכע פעראייניגונג פון דער סאָציאלער בעוועגונג אין אלע קולטור שטאַאטען.

דיא וויכטיגסטע בעדייטונג פון דער ארבייטער אסאציאציאָן ליגט אָבער דארין, וואָס זיא האָט געדיענט צו ערקלערען מארקס אידעען. די פערשיעדענע רעדעס פון דער עקזעקוטיוו, דיא דעבאטען אויף דיא פיעלע קאָנגרעסען פון דיא אינטערנאציאָנאַלע זיינען געווען אמת׳ע אוני־

ווערזיטעטען צו שטודירען די מארקסיסטישע אידעען און די מארקסיסטישע פּאָליטיק. עס איז קלאָר אז וואָס לענגער מען האָט שטודירט די מארקסיסטישע אידעען אלץ שנעללער איז מען געקומען צו רעאַליסטישען סאָציאַליזמוס, ווייל זיא האָט ניט נור גערעדט זאָנדערן זיא האָט אויך געפיהרט א פּראָפּאַגאַנדע דער טהאַט, וואָס איז געווייס געווען געגען די לעהרען פון קאַרל מארקס.

די אינטערנאַציאָנאַלע האָט נעמליך דורך איינצעלנע טהאַטען וויא דורך איהר גאַנצע עקזיסטענץ געפיהרט די אידעע פון דעם רעציאָנאַלען אויטאָפּיסטישען סאָציאַליזמוס און איהר פּאָליטיק איז אויך געווען רייך מיט טהאַטען פון א ריינעם רעוואָלוציאָנערען גייסט, וואָס איז גאַנץ פרעמד צו די מארקסיסטישע לעהרען. די וויכטיגסטע און בעקאַנטעסטע טהאַט איז געווען די סימפּאַטהיע מיט דעם פּאַריזער קאָמונע־אויפשטאַנד. דאָס ווארט ערקלערט פון דעם רעגריף, וואָס קאַרל מארקס האָט געהאַט פון די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט." צו האָט מארקס שפּעטער אליין זיך ארום געזעהען, אז ער האָט זיין אייגענעם בעגריף וועגען דער סאָציאַלער בעוועגונג געגעבען א פּאַטש אין פּנים דורך יענע סאָלידאַריטעט־ערקלערונג, ווייס איך ניט. יעדענפאַלס האָבען די פּאַריזער קאָמונאַרען אין צוזאַמען מיט זיי די „אינטערנאַציאָנאַלע" געהאָט אין יאָהר 1871 א שווערע נידערלאַגע און דאָס האָט גלענצענד בעשטעטיגט די אידעע פון די אנטי־רעוואָלוציאָניסטען. ניט קוקענדיג אויף אַלע סימפּאַטיע מיט די „העלדען פון דער קאָמונע" איז די קאָמונע געוואָרען איין אבטרעטענדער ביישפּיעל פאַר די פּראָלעטאַריער פון די ווייטערדיגע דורות.

די איינציגע ארבייטער, וואָס זיינען שוין דאַמאַלס געגאַנגען אויפ'ן וועג פון רעאַליזמוס (און אויך פון דעם מארקסיזמוס) זיינען געווען די ענגלישע, וועלכע האָבען ביז דאַמאַלס גענומען א שטאַרקע אינטערעסע אין די „אינטערנאַציאָנאַלע" און האָבען זיך באַלד פון איהר אבגעריסען.

און וואָס ווייטער איז געוואָרען אלץ קלערער, אז די „אינטערנאַציאָנאַלע" שטעהט אין א ווידערשפּרוך מיט דעם גייסט פון מאַרקס לעהרען און דאָס האָט מארקס אליין וואַהרשיינליך איינגעזעהען, דען דערמיט ערקלערט זיך וואָס ער און ענגעלס זיינען ענדליך גאַנץ קאַלט געוואָרען צו דער „אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער־אסאָציאַציאָן."

וואָס איז געוואָרען פון די „אינטערנאַציאָנאַלע" נאָכדעם וויא די ענגלישע טרייד יוניאָנס האָבען זיך פון איהר אָבגעריסען? א בונד פון פערשווערער, א הייפעלע „רעוואָלוציאָנערען," וועלכע האָבען ניט געהאַט הינטער זיך קיין ארבייטער־מאַסע און האָט ניט פערטרעטען קיין אָרגאַניזאַציאָן ניט קיין פּאָליטישע און ניט קיין עקאָנאָמישע, ווייל אזעלכע ארגאַניזאַציאָנען זיינען נאָך אין קיין לאַנד ניט געווען. דאָס איז געווען לויט דעם גייסט פון באַקונין אָבער ניט פון מארקס, און דארום איז געוואַכסען באַקונין'ס אינטערעסע אין דעמזעלבען גראַד וויא מארקס איז געוואָרען אָבגעקיהלט. באַקונין האָט אין די „אינטערנאַציאָנאַלע" געזעהען יענע „הונדערט ענטלאָפענע מענער," פון וועלכע קראַפּאָטקין חלום'ט נאָך היינט, אז זיי זיינען גענוג אנצוצינדען אין גאַנץ איירָאָפּאַ די פלאַמען פון רעוואָלוציאָן. באַקונין האָט בעטראַכט די אינטערנאַציאָנאַלע אלס א רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדער געזעלשאַפט און האָט איהר פערגליכען מיט דעם פריימויערער בונד, מיט דער „אינטערנאַציאָנאַלע פון די בורזשואַ."

אויב די מענשליכע געזעלשאַפט איז געווען אויפ'ן וועג צו א נייע אָרדנונג, וואָס האָט געדאַרפט דורכגעפיהרט ווערען דורך פּראָפּאַגאַנדאַ אָדער מיט געוואַלט, וויא באַקונין האָט געגלויבט, דאַן איז די „אינטערנאַציאָנאַלע" געווען דער בעסטער אנפאַנג. אויב אָבער מען דענקט, אז דער איבערגאַנג אין א העכערע געזעלשאַפט מוז זיין א לאַנגזאַמע, דאַן איז די אינטערנאַציאָנאַלע געווען ווענינסטענס פערנאַרט, אויב שוין ניט פאַלש מיט איהר גרונד־פּרינציפּ. מען קען רעדען פון א אינטערנאַציאָנאַלע פעראיינינגונג פון פּראָלעטאַריער נור דאַן, ווען די סאָציאַליסטישע בעוועגונג אין יעדען לאַנד איז שטאַרק; ווען עס זיינען דאָ פּאָליטישע, געווערקשאַפטליכע אָדער קאָאָפּעראַטיווע ארגאַניזאַציאָנען, וועלכע קענען צוזאַמענקומען און זיך בעראַטהען ווענען אלגעמיינע אינטערעסען. צוערסט האָבען די בעוועגונגען אין די איינצעלנע לענדער אראָבוואַרפען פון זיך זייער ענגען נאַציאָנאַלען כאַראַקטער; צוערסט האָט די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג אין יעדען לאַנד געגרייכט אלץ ווייטער, כדי די פּראָלעטאַריער זאָלען פערשטעהען די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט און בעגרייפען דעם עיקר פון זייער פּראָגראַם. און עס האָט ניט לאַנג געדויערט ביז דיעזע צייט איז אָנגעקומען. מארקס האָט עס שוין ניט דערלעבט; אָבער ענגעלס האָט דעם 1טען מאַי 1890 אויסגערופען מיט א בעגייסטערטע שמחה: „היינט, ווען איך שרייב דיעזע שורות האָט דער איירָאָפּעאישע און אַמעריקאַנישע פּראָלעטאַריאַט זיינע מאַנעוו־

רעם איבער דיא ארמעע, וואָס ער האָט צום ערסטען מאָל מאָביליזירט, וואָס ער האָט אָר־גאניזירט אלס איין ארמעע, אונטער איין פאָהן און פאר'ן נעכסטען ציעל, וואָס איז שוין פראָק־לאמירט געוואָרען פון גענפער קאָנגרעס פון דיא אינטערנאציאָנאלע אין 1866 און ווידער א מאָל פון פאריזער קאָנגרעס אין 1889, גע־זעטצליך צו בעשטימען איין אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. און דיא סצענע פון היינטיגען טאָג וועט עפענען דיא אויגען פון דיא קאפּיטאַ־ליסטען און דיא גוטס־בעזיצער, אז דיא היינ־טיגע פּראָלעטאריער פון אלע לענדער זיינען אין אמת'ן פעראייניגט.

אָה, ווען מארקס וואָלט יעצט געשטאַנען לעבען מיר, אום צו זעהען דאָס מיט זיינע איי־גענע אויגען!"

איבערזעצט פון א. מ. ר.

דער שוועל

פון איוואַן טורגענעוו.

איך זעה א גרויסע געביידע. אין דער פאַ־דערשטער וואנד א שמאָלע טהיר אין גאנצען אָפען. הינטערן טהיר — א שווערע פינסטערנים. פאר'ן הויכען שוועל שטעהט א מיידעל, א רו־סישע מיידעל. אייזקאלט איז יענע דיקע פינס־טערנים. און צוזאמען מיט דעם אייזקאלטען הויך טראָגט זיך ארויס א לאנגזאמער קול:

— אָ, דוא, וועלכע ווילסט אריבער דעם שוועל, ווייסט דוא, וואָס דיר ערווארטעט דאָרט?

— איך ווייס, — ענטפערט דיא מיידעל.

— קעלט, הונגער, האס, שפּאָט, פעראכ־טונג, טורמע, קראנקהייט, און זאָגאר דער טויט אליין?

— איך ווייס. איך בין גערייט. איך וועל אריבערטראָגען אלע יסורים, אלע קלעפּ.

— ניט נאָר פון פיינד, נאָר אויך פון פריינד, פון אייגענע.

— יא, אויך פון זיי.

— דוא — ביסט דוא גערייט זיך מקריב צו זיין? דוא וועסט אונטערגעהען און קיינער... קיינער וועט אפילו ניט וויסען, דיך מזכיר נשמות צו זיין.

— איך דארף ניט קיין דאנק. און ניט קיין רחמנות. איך דארף ניט קיין נאָמען.

— ביסט דוא גרייט צו טהאָן א פארברע־כען?

דיא מיידעל האָט אראָבגעלאָזען דיא קאָפּ.

— יא, אויך אויף א פערברעכען בין איך גרייט...

דער קול איז אויף א וויילע ענטשוויגען געוואָרען.

— ווייסט דוא — האָט ער ווייטער גענו־מען ריידען — אז דוא קענסט, אויפהערען צו גלויבען אין דעם, וואָס דוא גלויבסט איצט, און קענסט נעהמען פארשטיין, אז דוא האָסט זיך אָבגענארט און אומזיסט פארלאָרען דיין יונגען, פרישען לעבען?

— איך ווייס דאָס אויך.

— געה אריין!

דיא מיידעל איז אריבער דעם שוועל און א שווערער פאָרהאנג האָט זיך אראָפּגעלאָזען הינטער איהר.

— נאַר — האָט אימיצער א קריץ גע־טהון.

— הייליגע — האָט פון ערגעץ זיך גע־הערט א ענטפער.

איבערזעצט פון מ. ק.

דיא ארבייטער בעוועגונג אין ענגלאנד

אין דיא לעצטע פינף־און־צוואנציג יאָהר.

פון מאָררים מייער.

1.

דיא לעצטע פינף־און־צוואנציג יאָהר פון דער ארבייטער בעוועגונג אין ענגלאנד, בילדען איינע פון דיא וויכטיגסטע פעריאָדען אין דער געשיכטע פון דיעזער באוועגונג; זיי בילדען די איבערגאנגס־פעריאָדע פון דעם אלטען טרייד־יוניאָניזם צו דעם מאָדערנעם סאָציאליזם.

די רעפאָרמען, וועלכע זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען אין ענגלאנד אין 1832 האָבען דער בורזשואזיע געגעבען דיא גאנצע דעה און מאכט איבער דעם שטאאט און האָבען דיא ארבייטער בערויבט פון אלצדינג — א חוץ פון זייערע בעלי הבתים, און זיי ארויסגעשטויסען פון אומעטום —א חוץ פון דיא ערטער (פאבריקען, מיענען, וכדומה), וואו זיי שאפען אלדעם גוטס פאר אנדערע און אלדעם בייז פאר זיך זעלבסט. דיא רעפאָרמען האָבען קלאָהר און דייטליך בעוויעזען, אז דיא ארבייטער זיינען א קלאס פאר זיך און אויב זיי ווילען, וועלכע עס איז רעכטע אָדער דעה האָבען אין דער געזעלשאפט, מוזען זיי קעמפפען אליין, אויף אייגענעם רעכענונג און אויף אן אייגענעם שטייגער, כדי דאָס צו בעקומען. קיינע קאָמפּראָמיסען מיט דער בורזשואזיע דארפען ניט געמאכט ווערען, מחמת דיא ארבייטער האָבען פון איהר גאָר ניט צו ערווארטען...

כדי צו דערגרייכען איהרע פאָדערונגען, אויסצופיהרען איהרע פערלאנגען און צו באפעסטיגען איהר מאכט, זאָגט דיא בורזשואזיע צו דיא ארבייטער אלע שטערן פון'ם הימעל און אלע אוצרות פון דער ערד. נאכהער אָבער, וויא נור זיא דערגרייכט איהר ציעל, גיט זיא זיי א נייעם „הייליגען אָרט" פאר קברים, וואו צו בעגראָבען דיא האָפנונגען, וועלכע האָבען זיך ביי זיי ערוועקט דורך דאָס „צוזאָגען"... דאָס האָבען בעוויעזען דיא רעפאָרמען פון 1832. דאָס האָט בעוויעזען קלאָהר און דייטליך דיא גאנצע געשיכטע פון דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דער פאבריקאנטען און קרעמער־קלאס. ליידער האָבען עס ביז איצט דיא ענגלישע ארבייטער ניט פערשטאנען...

נאָך מיט 65 יאָהר צוריק האָט א פארטיי פון גייסט־רייכע דענקער און מוטהיגע קעמפפער —דיא טשארטיסטען *), געוואָלט דיא ענגלישע ארבייטער אין דעם איבערצייגען. צעהן יאָהר דורכאנאנד האָבען זיי געשטורמט ענגלאנד מיט זייער פייערדיגער אגיטאציע; זיי האָבען געוואָלט און געהאָפט ארויסצורופען א רעוואָלוציע און דערמיט בייצוטראָגען זייער חלק צו דעם פייער, וואָס עס האָט זיך אין 1848 אין גאנץ מערב־זייט אייראָפא צופלאקערט. עס האָט זיך זיי אָבער ניט איינגעגעבען, דיא אומשטענדען זיינען געוועזן אונגינסטיג.

דיא מיה פון דיא טשארטיסטען, ארויסצורופען דיא ענגלישע ארבייטער צום קאמפף, אז זיי זאָלען זיך ערקאָבערען א וויכטיגען פלאטץ אין דער געזעצגעבונג און אין דער פיהרונג פון'ם לאנד, איז געגאנגען פערלוירען. זייערע פלענער זיינען צובלאָזען געוואָרען, וויא דער רויך פון'ם ווינד, זייערע רייהען זיינען צופאלען, עס איז פון אלעם געוואָרען א חורבן...

אנדערש איז עס געוועזן מיט דער ענגלישער בורזשואזיע. זיא האָט געהאט איין ערפאָלג נאָך'ן צווייטען. האָבענדיג דיא מאכט פון דער מלוכה אין האנד, איז איהר געלונגען איינצופיהרען דעם פרייעם־האנדעל (פרי־טרייד) און דערמיט האָט זיא בעקומען דיא מעגליכקייט צו ברייגגען רויהע מאטעריאלען אָהן אָבצאָהלונגען און פראָדוצירען סחורות א סך און ביליג. מארקעטס, וואו אויסצובריינגען דעם איבערפלוס פון איהרע סחורות האָבען איהר ניט געפעהלט.

*) דעם נאָמען „טשארטיסטען" האָט מען זיי געגעבען נאָך זייער פּראָגראם, וואָס זיי האָבען גערופען „דער פאָלקס טשארטער" און וועלכע האָט ענטהאלטען 30 פאָרדערונגען: אלגעמיינעס וואהל רעכט; א גלייכע טהיילונג פון דיא מלוכה אין וואהל־בעצירקען; פּראָגרעסיווע שטייערן, א. ז. וו. א. ז. וו.

דיא געשעפטען זיינען געגאנגען און דיא פּראָפיטען זיינען געווען גרויס. דאָס האָט דיא בורזשואזיע געמאכט מילד און פרייגעביג. זיא האָט זיך אָנגעפאנגען צייגען ראדיקאל גענומען דורכפיהרען רעפאָרמען: געמאכט פרייער און צוגענגליכער דאָס וואהל־רעכט, געשענקט דיא ארבייטער א צעהן־שטונדיגען ארבייטס־טאָג, זיי געגעבען דאָס רעכט זיך צו פעראייניגען, און נאָך אזעלכע פארבעסערונגען. פון איין זייט איז דאָס אלעס געווען זעהר גוט; עס האָט פיעל פארבעסערט דיא עקאָנאָמישע לאגע פון דיא ארבייטער. דאָס איז אָבער אויך געווען א שעדליכער נעטץ פאר זייער קלאסען־בעוואוסטזיין; עס איז געווען א מין שפּינוועבעכץ, וואָס האָט פערפּלאָנטערט זייערע מוחות, פערטונקעלט זייער געוויסען, פערפינסטערט זייער שכל און דערמיט אָבגערויבט ביי זיי דיא מעגליכקייט זיך פאָרצובערייטען צום קאמפף, וועלכער וועט זיי אָבגעבען דעם פּלאַץ אין דער געזעלשאפט, וועלכען דיא געשיכטע האָט פאר זיי בעשטימט.

אין דיא גאנצע צייט, ביז 1880 און אויך פיעל נאכהער, האָבען דיא ענגלישע ארבייטער פון זייער געשיכטליכער ראָלע גאָר ניט געדענקט. דיא איינציגע שטרעבונג זייערע איז געווען צו פארבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאגע, אָדער אויפצוהאלטען דיא פארבעסערונגען, וואָס זיי האָבען שוין בעקומען. אָבער אויך אין דיעזער שטרעבונג פלעגען זיי בענוצען דאָס רוב בורזשואזנע מיטלען. עקאָנאָמיע, שפּארזאמקייט זיינען ביי זיי געווען פון דיא וויכטיגסטע וואָפען געגען דלות. און מיט דעם צוועק האָבען זיי זיך א לאָז געטהאָן גרינדען קאָאָפּעראטיווע פעראיינען... עס האָבען זיך אפילו אויך געפונען פיעלע, וועלכע האָבען פערשטאנען, אז דיא פארבעסערונג פון דיא ארבייטערס לאגע באשטעהט ניט אין אבשפּארען, איינקארגען פון דעם — וואָס זיי האָבען ניט, נאָר צו זוכען צוריקצונעהמען וואָס מעהר פון דעם, וואָס זייערע אויסבייטער רויבען ביי זיי אָב. זיי האָבען זיך מיט דעם צוועק אָרגאניזירט אין טרייד־יוניאָנס, אָבער אויך זיי האָבען ווינציג־וואָס פערשטאנען וויא דעם קאמפף געגען דיא בעלי־בתים, צו פיהרען. זיי האָבען אנשטאט אן אלגעמיינעם בעפרייאונגס־קאמפף, פון זייערע טרייד־יוניאָנס געמאכט אָבגעשלאָסענע וועלטעלאך, אין וועלכע עס האָבען אנטהייל גענומען נאָר דיא אריסטאָקראטיע פון דיא ארבייטער — דיא ארבייטער, וועלכע האָבען בעלאנגט צו בעשטימטע, געלערנטע מלאכות, און וועלכע זיינען געווען בעסער אָב. אויב איינע פון דיעזע טרייד־יוניאָנס פלעגט עפּעס פערלאנגען, פלעגט זיא עס טהון נאָר פאר איהרע מיטגליעדער. פון אנדערע, איבערהויפּט פון דיא „אונגעלערענטע“ ארבייטער, אָהן בעשטימטע קענטניסע, „אונסקולד־וואָירקערס“, האָבען זיי ניט געוואָלט הערען און ניט וויסען.

דאָס איז געווען דער אלטער טרייד יוניאָניזם, וואָס האָט געוועלטיגט איבער דער ארבייטער בעוועגונג אין ענגלאנד, אין א משך פון 40 יאָהר. אין דער צייט פון זיין הערשאפט, האָבען דיא ענגלישע ארבייטער קיין אייגענע פּאָליטיק ניט געפיהרט. זיי האָבען זיך געלאָזען פיהרען, וואוהין דער ווינד האָט געבלאָזען, געשטימט ווען פאר דיא קאָנסערוואטאָרען, ווען פאר די ליבעראלען, וויא די פראגע, וואָס איז געווען אויף דער טאגעס־אָרדנונג, האָט עס פערלאנגט. כל־זמן דיא אלגעמיינע בעדינגונגען אין ענגלאנד זיינען גינסטיג געווען, האָט זיך דיעזער זאָרט טרייד־יוניאָניזם אויפגעהאלטען און האָט זאָגאר געוואקסען און געבליהט. אָבער דיא בעדינגונגען האָבען זיך געענדערט. דורך דעם שטענדיגען וואוקס פון דעם קאפּיטאליזמוס אין דער גאנצער וועלט, און דורך דעם שטענדיגען יאגד נאָך נייע מארקעטס, צווישען קאָנקורירענדע נאציאָנען, האָט דיא ענגלישע בורזשואזיע גענומען פערלירען איהר „זעלבסטהערשאפט“ אויף די ימים. דער קאמפף מיט די אנדערע נאציאָנען איז געוואָרען ערנסט סאַי אין דער פּאָליטיק, סאַי אין האנדעל. דיא פּראָפיטען זיינען געוואָרען קלענער, דיא קריזיסען זיינען געוואָרען אנהאלטענדער. דיא איבערפּראָדוקציאָן האָט גענומען טראָגען א כראָנישען כאראקטער. אויך אין לאנד גופא זיינען דיא געגענזעצע צווישען דיא קלאסען געוואָרען שארפער. דיא בורזשואזיא האָט גענומען אלץ מעהר ארויסווייזען איהרע וואָלפישע ציינער. דאן האָט דער אלטער טרייד־יוניאָניזם אָנגעפאנגען פערלירען זיין מאכט; עס האָט זיך גענומען אלץ מעהר צייגען דיא נויטהווענדיגקייט פון א נייע זאָרט ארבייטער־בעוועגונג, און דיאאיבערגאנגס־פּעריאָדע האָט זיך אָנגעהויבען.

2.

א חוץ אלע אנדערע פראגען, וועלכע האָבען פול געמאכט דיא הערצער און דיא מוחות פון דעם ענגלישען פאָלק ארום דעם יאָהר 1880, ווען דיא פּעריאָדע, מיט וועלכער איך באשעפטיג זיך יעצט, האָט זיך אָנגעפאנגען, האָט נאָך ענגלאנד געקאָכט מיט דער אירלענדער „לענד ניישאָנאליזיישען“־פראגע, דאָס הייסט מיט דער פראגע: צו זאָל מען צונעהמען דיא גיטער ביי דיא אירלענדער לאנד־לאָרדס (גוטס־בעזיצער) און עס אוועקגעבען דעם פאָלק? דיא מעכטיגע

אגיטאציע פון דיא אירלענדער נאציאנאליסטען האט אנגעפילט דיא גאנצע פאליטישע אטמאספערע. עס האט זיך געדוכט, אז די טיעפע קרעכצען פון דעם שרעקליך עקספלואטירטען איירישען פאלק האבען ענדליך געריהרט דיא הערצער פון זייערע ענגלישע צייט־גענאסען און אז דיזע וועלען צווינגען דיא רייכע, הארצלאזע לענד־לארדס אויפצוהערען דיא שוידערליכע עקספלואטאציא. עס איז זאגאר צו יענער צייט צוליעב דעם ארויס א מיניסטעריאלער קריזיס. דער קאנסערוואטיווער קאבינעט, אונטער ד״איזראעלי'ס פיהרונג, האט געמוזט רעזיגנירען און דער ליבעראלער קאבינעט, מיט גלאדסטאן אן דער שפיצע, האט זיין פלאץ פערנומען.

פיעלע האבען געדענקט, אז דער ליבעראל גלאדסטאן וועט דיזע ברענענדע פראגע לייזען צו דער צופריעדענהייט פון דיא אונטערדריקטע איירלענדער און זייערע פראגרעסיווע ענגלישע פריינד, זיי האבען אבער געהאט א ביטערען טעות. דיא אינטערעסען פון זיין קלאס, פון דיא בורזשואן און לענד־לארדס, האבען ביי גלאדסטאן, וויא ביי אלע פון זיין גלייכען, איבערגעוועלטיגט דעם געפיהל פון יושר און דעם בעגריף פון גערעכטיגקייט. און אנשטאט צו פארענטפערן דיזע וויכטיגע פראגע לייזען, האט ער געזוכט איהר צו דערשטיקען. ער האט פארגעבראכט פאר'ן פארלאמענט און דורכגעפיהרט געזעצע וויא צו אונטערדריקען דיא אנגעפיהרטע אגיטאציא און דערמיט האט ער געגעבען זיין הסכמה צו דיא מעשים פון דיא עקספלואטאטארס, דיא לענד־לארדס, און אויפגעהאלטען און פארפעסטיגט זייער מאכט.

דאס האט געעפענט דער וועלט אביסעלע דיא אויגען, עס איז פאר פיעלען קלאהר געווארען, דאס דיא ליבעראלען זיינען ניט בעסער וויא דיא קאנסערוואטארען און מען האט פון זיי אויך קיין שום גוטעס ניט צו ערווארטען. א גרויסער טהייל פון דעם פראגרעסיווען עלעמענט האט דאן אנגעפאנגען אריינשטראמען אין דער „איירישׁ ניישיאנאל ליעג" (איירישער נאציאנאלער בונד), עס האבען זיך אבער געפונען אזעלכע, וועלכע האבען בעגריפען, וויא איינער פון זיי הערבערט בארוס האט זיך אויסגעדריקט: „דאס א חוץ דיא לענד־לארדס פון איירלאנד זיינען נאך דא דיא לענד־לארדס פון ענגלאנד; און א חוץ זיי אלע, זיינען נאך דא דיא קאפיטאליסטען פון דער גאנצער וועלט, וועלכע מען דארף באקעמפפען". דיזע עלעמענטען האבען זיך צוזאמענגענומען און אונטער דער פיהרונג פון ה. מ. היינדמאן *) האבען זיי געגרינדעט דיא „דעמאקראטיק פעדעריישאן" (דיא דעמאקראטישע פעדעראציאן).

דיא „דעמאקראטיק פעדעריישאן" האט זיך געגרינדעט אין 1881, און איז אין אנפאנג געווען בלויז א דעמאקראטישע פארטיי מיט א ראדיקאלער פראגראם. אבער מיט צוויי און א האלב יאהר שפעטער, זייט זיא האט זיך געגרינדעט, האט זיא געענדערט איהר נאמען אין „סאשעל דעמאקראטיק פעדעריישאן" (סאציאל דעמאקראטישע פעדעראציאן), האט אנגענומען א'ן אויסדריקליכע סאציאל־דעמאקראטישע פראגראם, און האט בעגרינדעט איהרע פרינציפען און פארדערונגען אויף דיא לעהרען פון קארל מארקס. דערמיט איז דיא ס. ד. פ. געווארען דיא ערשטע עפענטליך־אויסגעשפראכענע סאציאל־דעמאקראטישע ארגאניזאציאן אין ענגלאנד.

דיזע גרינדליכע אומענדערונג פון דער „דעמאקראטיק פעדעריישאן" האט ניט צופריעדען געשטעלט אלע זאגענאנטע „פראגרעסיווע" עלעמענטען, וועלכע האבען זיך פריהער ארום איהר פאראייניגט. פיעלע פון דיזע עלעמענטען, בעלאנגענדיג אם מייסטען צו דער מיטעלקלאס, האבען זיך ניט געקענט צופאסען צו דעם נייעם גייסט פון דער פארטיי. דיא דעמאקראטיק פעדעריישאן, אונטער איהר נייעם נאמען ס. ד. פ. איז געווארען, וויינינגסטענס אין דער טהעאריע, א רעוואלוציאנערע פארטיי און פאר דיא קליינע בורזשואן, מיט א באשרענקטען געזיכטסקרייז איז דאס געווארען פיעל־צו־פיעל. רעפארמירען דיא געזעלשאפט, איינינע פארבעסערונגען אין איהר מאכען, דאס האבען זיי געוואלט, אבער איהר רעוואלוציאנירען, איהר גרינדליך אומענדערען, דאס איז געווען „ניט פאר זיי געדאכט"... זיי האבען זיך דערפאר ווידער צורגעשארט צו דער ליבעראלער פארטיי, אריינגעשטרעמט אין איהרע רייהען און ענדליך אראפגעזונקען אין איהר זומפּ פון הויך־קלינגענדיגע פראזען און קליינע, אונבעדייטענדע טהאטען.

וויא יעדע זאך אין דער ערשטער צייט פון איהר ענטוויקלונג, איז דיא ס. ד. פ. אין אנפאנג ניט געווען פעסט גענוג צו האלטען פעראייניגט דיא עלעמענטען, וועלכע האבען איהר צוזאמענ־

*) היינדמאן איז א מאן וואס בעזיצט א הויכע בילדונג, זעלטענע פעהיגקייטען און אן אונערמידליכע ענערגיע און טהעטיגקייטס אייפער צו ארבייטען פאר דער בעוועגונג. ער איז אהן א שום ספק דיא ערהאבענסטע פיגור אין דער סאציאליסטישער בעוועגונג פון ענגלאנד. ער איז געוועזן א פערזענליכער פריינד פון מארקס'ן און איז איינער פון דיא פויערדיגסטע אנהענגער פון מארקס לעהרען.

געשטעלט — עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען שפּאַל־טונגען. אזוי איז געווען דער פאַל מיט וויליאם מאָררים, בעלפאָרט באַקס, און אַנדערע, וועלכע האָבען געגרינדעט דיא „סאָשעליסט ליעג“ (סאָציאַליסטישען בונד). דיא אונצופריעדענהייטען פון דיעזע פּערזאָנען האָט גראַדע ניט ארויסגעשטרעמט דערפון, וואָס דיא ס. ד. פ. איז געווען פאַר זיי צופיעל רעוואָלוציאָנער, נאָר גאָר פון אַנדערע אורזאַכען. פאַר דיעזע עהרווירדיגע מענער, וועלכע האָבען געגרינדעט דיא ס. ל. זיינען מאַרקס לעהרען געווען אַ צו האַמעטנער ביסען און זיי האָבען עס ניט געקענט פערדייהען... וויליאם מאָררים איז געווען אַ דיכטער, באַלפאָרד באַקס — אַ פילאָזאָף, אַלץ אַזעלכע מענשען, וועלכע זיינען מעהר געניינט זיך צו רעכענען מיט זייערע סוביעקטיווע (פּערזענליכע) מיינונגען און פיהלונגען, וויא אויפצונעהמען אזעלכע לעהרען, וועלכע שטיצען זיך דורכאויס אויף אָביעקטיווע (ריין־זאַכליכע) בעאָבאַכטונגען. זיי האָבען ניט געקענט בעגרייפען דיא ריכטיגקייט פון מאַרקס טהעאָריען און דערפאַר האָבען זיי אויך ניט געקענט אויפפאַסען דיא אונפערמיידליכע דורכפיהרונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָגראַם. נאָך זיי איז אויסגעקומען, אז דער סאָציאַליזמוס איז ניט אַ נויטהווענדיגקייט, ניט היסטאָרישע ענטוויקלונג, נאָר אַ טהעאָרעטישע פאָדערונג פון דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען, און אויב אזוי, האָבען זיי געהאַט זייער אייגענע פאָדערונגען — זיי זיינען געווען קאָמוניסטען... אויך אין דער טאַקטיק איז זיך פאַרנאַנדער געגאַנגען דיא ס. ל. מיט דער ס. ד. פ. דיא לעצטע האָט בעגריפען, דאָס כדי צו קענען אומענדערן דיא קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אין אַ סאָציאַליסטישער, מוזען דיא ארבייטער מאַסען זיין גוט אָרגאַניזירט אין אַ בעזונדערער פּאָליטישער פּאַרטיי, וועלכע זאָל פיהרען אַ ציעל־בעוואוסטען קאַמפף געגען דיא אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען און אין דיעזען קאַמפף זאָל זיך אָבשפּיגלען דער גאַנצער קלאַסען־אונטערשיעד, צווישען דיא ארבייטער און דער בורזשואזיא. דיא „סאָשעליסט ליעג“ אָבער, האָט פון קלאַסען קאַמפף ווייניג וואָס אהנונג געהאַט. זיא האָט אָנגעווענדעט איהר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף פּראָפּאַגאַנדאַ און ערציהונג; זיא האָט זיך מעהר אָבגעגעבען מיט איינצעלנע פּערזאָנען, וויא מיט גרויסע פאָלקסמאַסען און דורך דעם איז איהר ווירקונג געווען זעהר באַשרענקט. זיא איז געבליעבען אַ קערפּערשאַפט פון איינִיגע שריפטשטעלער און אינטעליגענטען און האָט אויף דיא גרויסע פאָלקסמאַסען גאָר קיין איינפלוס ניט געהאַט.

דיעזע קערפּערשאַפט האָט געשענקט מעהר אויפמערקזאַמקייט צו איינצעלנע פּערזאָנען, האָבען זיך ארום איהר צוזאַמענגענומען דיא פרעמדע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין לאָנדאָן. אָבער גראַדע דאָס האָט איהר געפיהרט צום אונטערגאַנג. דיא „פרעמדע“ זייענדיג פרעמד פון דעם פּאָליטישען לעבען פון לאַנד, ניט קענענדיג קיין שום אַנטהייל נעהמען אין דיעזען לעבען, האָבען זיי אָנגעפאַנגען אידעאַליזירען זייער צושטאַנד. דאָס „ניט אַנטהייל נעהמען אין פּאָליטיק איז ביי זיי געוואָרען אַ מצוה זאַך: „לא תעשׂשה“! און זיי זיינען פאַרקראָכען אין אַנאַרכיסטישע חלומות... דאָס הייסט דיא ענגלישע עלעמענטען ניט צופריעדען געשטעלט. זיי האָבען פון ערפאַהרונג געוואוסט, אז דאָס פּאָליטישע לעבען איז אַ גרויסע פעלד פון טהעטיגקייט, הגם זייא האָבען ניט בעגריפען, דאָס גראַדע פון דיעזען פעלד קענען ארויסוואַקסען, פאַר׳ן פּראָלעטאַריאַט, דיא מעכטיגסטע וואַפען געגען דער קאַפּיטאַליסטישער ארדנונג. זיי האָבען דערפאַר געזוכט פון דיא פרעמדע עלעמענטען זיך אָפּצוטהיילען און דיא „סאָשעליסט ליעג“ איז אונטערגעגאַנגען.

מיט לענגערע יאהרען וויא דיא „סאָשעליסט ליעג“ איז געווען די „פעביען*) סאָסייטי“. (דער פעראיין פון דיא פעביענס), וואָס האָט זיך געגרינדעט אין 1884. דיעזער פעראיין איז צוזאַמענגעשטעלט פון אינטעליגענטען, וועלכע האָבען זיך ערקלעהרט פאַר טיעפע סאָציאַלע רעפאָרמען, וואָס זאָלען דורכגעפיהרט ווערען דורך פּאָליטישע און געזעצליכע מיטלען. קיינע גרויסע מאַסען זוכט דיעזער פעראיין ניט צו זאַמלען ארום זיך. ער האָט זיך נאָר דיא אויפגאַבע גענומען אויסצובילדען טהעטיגע אַגיטאַטאָרס, וועלכע זאָלען אריינברייגגען דיא סאָציאַליסטישע לעהרען טיעף אין דיא גרויסע פאָלקס מאַסען, אָבער ניט דיעזע מאַסען צו אָרגאַניזירען אין זעלבסטשטענדיגע קערפּערשאַפטען, מיט אויסדריקליכע סאָציאַליסטישע פּראָגראַמען.

---

*) דער נאַמען „פעביען“ האָט זיך דיעזער פעראיין גענומען נאָך זיין מאָטטאָ, וועלכער לויטעט: „אויף דיא רעכטע רגע מוזט דו רוהיג וואַרטען וויא פעביוס (אַ רוימישער העלד) האָט געטהאָן אין זיין קאַמפף געגען האַניבאַל, כאָטש פיעלע האָבען זיין וואַרטען געטאַדעלט; אָבער ווען דיא צייט קומט, מוזט דו אַ מעכטיגע מלחמה פיהרען, וויא פעביוס האָט געטהאָן, אָדער דיינע ערוואַרטונגען וועלען זיין אומזיסט און פרוכטלאָז“... דער בעריהמטער ענגלישער שריפטשטעלער בערנאַרד שאָו איז אַ מיטגליעד פון דיעזען פעראיין.

אין אלגעמיין קען מען זאָגען, אַז פון אַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָנען וועלכע האָבען עקזיסטירט אין דיא אַכציגער יאהרען אין ענגלאנד, איז דיא ס. ד. פ. געוועזען דיא איינציגע, וועלכע האָט פערשטאַנען, אַז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל בלייבט אַ פוסטע פארשטעלונג, כל זמן דיא אַרבייטער זיינען ניט קלאסען־בעוואוסט און פאָליטיש גוט אָרגאַניזירט, כדי צו קענען אָנפיהרען אַן אונערמיעדליכען, ענערגישען קאַמפף פאַר זיין פערווירקליכונג.

3

צוזאמען מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דיא סאָציאַליסטישע ארגאניזאציאָנען אין ענגלאנד האָט זיך אויך אָנגעפאנגען פיהלען אַ נייען לעבען אין דער ארבייטער בעוועגונג פון דיעזען לאנד. אין אָנפאנג פון דיא אַכציגער יאהרען איז דיעזע בעוועגונג געוועזען אין א גליקליכען צושטאַנד. עס זיינען געוועזען ארגאניזירט לערך פון אַ 600,000 געלערענטע אַרבייטער און טריידיוניאָנס אָהן לעבען און אָהן טהעטיגקייט. דיא אַרבייטער פון דיא פּראסטע אַרבייטען האָבען פון ארגאניזירונג גאָר ניט געחלום'ט און אין דיא אַרבייטען ביי וועלכע זיי זיינען געוועזען באַשעפטיגט, האָט עקזיסטירט אַ „סוועטינג“ (שוועטעריי) סיסטעם פון עקספּלואַטאַציאָן אַז „איין גאָט אין הימעל“ האָט זיך געמעגט מרחם זיין... ערשט אין 1885—1886, דורך דער אַגיטאַציאָן, וואס די מיטגליעדער פון דער ס. ד. פ. און אַנדערע סאציאליסטען האָבען אָנגעפיהרט צווישען דיא „אונעמפּלאָיעד“ (ניט בעשעפטיגטע ארבייטער) וועמעס צאָהל עס איז געוועזען צו יענער צייט זעהר גרויס צוליעב דעם קריזיס וואס האָט דאן געהערשט אין לאנד, האָבען דיא אַרבייטער אָנגעפאנגען ערוואכען. די גאסען־בעוועגונגען וועלכע האָבען שטאַטגעפונען אין לאנדאָן אין 1886 פון דיא אַרבייטסלאָזע האָבען געפיהרט צו דער ארעסטירונג פון הייינדמאָן, זשאָהן בערנס *) טשאַמפּיאן און אַנדערע און דאָס אַליין האָט אויפגעוועקט דיא שלומערענדע געפיהלען און דיא פערשלאָפענע מוחות פון ד ענגלישע אַרבייטער און אַן אַלגעמיינער פערלאנג צו ארגאַניזירען זיך האָט זיך אָנגעפאנגען פיהלען אין אַלע ארבייטער קרייזען.

יעדער פערלאנג פון דיא מאַסען דריקט זיך אויס אין דער טהעטיגקייט פון איינציגע פּערזאָנען. אויך דער פערלאנג פון דיא ענגלישע אַרבייטער צו אָרגאַניזירען האָט דיא פּערזאָנען, טהאָן זעהר א גוט שטיקעל־אַרבייט דערמיט, וואס זיי האָבען זיך געווענדעט צו דיא ארויסגעשטויסענע אַרבייטער, צו דיא „אונסקילד וואָירקערס“, צו דיא וועגען וועלכע דיא פון פריהער עקזיסטירענדע טרייד יוניאָנס האָבען זיך גאָר ניט געקימערט, און עס איז זיי געלונגען פון זיי אויפצובויען מעכטיגע ארגאניזאציאָנען. דיעזע ארגאניזאציאָנען האָבען אריינגעבראַכט אַ נייעם גייסט אין דיא ענגלישע טרייד־יוניאָנס; דעם גייסט, וועלכער איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען דער „נייער טרייד־יוניאָניזמוס“ וועמענס ארבייט עס איז בעשטאַנען דעראן, ארויסצורייסען דיא טרייד־יוניאָנס פון דער נאַכלעסיגקייט, אין וועלכער זיי זיינען געוועזען פערזונקען ; צו פערניכטען דיא גרענעצען, וואס זיי האָבען צווישען זיך געצויגען ; ערוועקען דעם געפיהל פון סאָלידאַריטעט צווישען דיא אַרבייטער און זיי טרייבען צום קאַמפף געגען זייערע עקספּלואַטאַטאָרס, דיא קאַפּיטאַליסטען.

אין יאהר 1889 האָט מען געהאַט די געלעגענהייט צו זעהען דעם ערשטען גוטען רעזולטאַט זשאָהן בערנס, טאָבמען, בען טילע און אנדערע צו טהעטיגקייט ארויסגערופען. זיי האָבען מיט מוטה און בעגייסטערונג זיך גענומען צו דער אַרבייט און דיא אַרבייט האָט זיך זיי זעהר גוט איינגעגעבען. איבערהויפּט האָבען זיי אויפגעפון דיעזען „נייעם“ טרייד־יוניאָניזם. אַ קליינער סכסוך, אין דיא „סאוטה וועסט אינדיע דאָק“ האָט זיך ענטוויקעלט צו אַ מוראדיגען סטרייק, וואס האָט זיך געענדיגט מיט אַ גלענצענדען ערפאָלג פאַר דיא סטרייקער. דיעזער סטרייק, „דער דאָקער סטרייק“ האָט זיך אָנגעפאנגען מיט איינגע הונדערט אַרבייטער און אין צוויי וואכען צייט האָט ער זיך אַזוי פערברייטעט, דאָס ער האָט פערכאַפּט ניט וויינגער וויא 130,000 מאַן. אַ גאַנץ גרויסער טהייל פון דיא סטרייקער האָבען געסטרייקט בלויז אויס סימפּאַטהיע מיט דיא איבעריגע אַרבייטער. 5 וואכען האָט די עפענטליכע שלאכט צווישען ארבייט און קאַפּיטאַל געדויערט און האָט זיך געענדיגט דערמיט, וואס דיא בעלי בתים האָבען נאָכגעגעבען כמעט אַלע פאדערונגען פון דיא סטרייקער. שטיק־אַרבייט און אָפּגעבען דיא אַרבייט צו קלענערע קאָנטראַקטאָרס דער אייגענטליכער תוך פון דעם „סוועטינג סיסטעם“ זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרען. מען האָט בעשטימט א מינימום פאר דיא ארבייטס־לאָהן און מען האָט נאָך דורכגעפיהרט איינגע פארבעסערונגען אין דיא אַרבייטס־בעדינגונגען. דיעזער, כמעט אונערוואַרטעטער, גלענצענדער רעזולטאַט האָט ערוועקט ביי דיא ארבייטער מוטה און לוסט צו קעמפּפען ווייטער.

*) בערנס איז אמאָל געוועזען א סאָציאַליסט, יעצט איז ער א מיניסטער אין דעם ליבעראַלען קאבינעט און האָט געקעמפּפט געגען דיא סאָציאַליסטען ביי די לעצטע וואהלען.

אין דיא יאהרען 1889, 1890, 1891, 1892 און 1893 האבען די ענגלישע ארבייטער געהאט דיא גרעסטע צאהל קעמפפע מיט זייערע בעלי־בתים און די גרעסטע טהייל פון דיעזע קעמפפע האט זיך געענדיגט צו גונסטען פון דיא ארבייטער*) דיא מוטהיגע ארבייטער־קעמפפער פון דיעזע יאהרען האבען זאגאר בעוואויגען די ענגלישע רעגיערונג, אונטער דער פיהרונג פון לארד סאליסבורי, צו בעשטימען אין 1891 א „ראיאל קאמישאן" (א קעניגליכע קאמיסיאן), וועלכע האט געהאט דיא אויפגאבע אויסצופארשען דיא בעציהונגען צווישען דא ארבייטס־געבער און די ארבייטער און דיא אלגעמיינע בעדינגונגען פון דער ארבייט. דער צוועק פון דער קאמיסיאן איז געווען צו ערקלעהרען דיא אורזאכען פון דיא שטרייטיגקייטען, וואס זיינען פארגעקומען צווישען דיא צוויי צדדים — צווישען ארבייטער און מייסטער, און אויסצוגעפינען דיא בעסטע מיטלען, וויא דיעזע אורזאכען אפצושאפען.

דיעזע קאמיסיאן האט אפגעהאלטען, אין א צייט פון דריי יאהר, 151 זיצונגען, האט אויסגעהערט 583 עדות, האט ערהאלטען 1190 ענטפערן פון טרייד־יוניאנס אויף פערשיעדענע פראגען, וואס זיא האט זיי געשטעלט. אנדערע 900 ענטפערן האט זיא בעקומען פון ארבייטגעבער, זיא האט דיסקוטירט פערשיעדענע פלענער און פארשלעגע און האט דאס גאנצע מאטעריאל צוזאמענגעקליעבען אין ניט וויינגער וויא 67 בענדער, אבער איהרע שליסע זיינען געווען זעהר קלעגליכע. דיא קאמיסיאן איז בעשטאנען דאס רוב פון בורזשען און זיי האבען געהאט אין זינען, בעת מעשה, דיא אינטערעסען פון זייער קלאס. זיי האבען פערלאנגט איינעגע אונבעדייטענדע פארבעסערונגען, מעהר צו פארבלענדען דיא ארבייטער, וויא זיי צו העלפען....

פיער ארבייטער פערטרעטער, וועלכע האבען אנטהייל גענומען אין דיעזער קאמיסיאן, וו. אייבראמס, מ. אאוסטין, זש. מאודסלעי און טאם מאן, זיינען ניט געווען צופריעדען מיט דעם בעריכט, וואס דיא מאיאריטעט פון דער קאמיסיאן האט אפגעגעבען און זיי האבען צוגעשטעלט אן אייגענעם בעריכט, פון דער „מינאריטעט", וועלכען זיי האבען בעשלאסען מיט פאלגענדע בעמערקונגען און פארשלעגע:

„מיר זעהען איין אז דיא ניט צופריעדענע בעציהונגען צווישען דיא ארבייטער און זייערע בעלי בתים, זיינען אונפערמיעדליכע פאלגען פון דער געגענווערטיגער אינדוסטריעלער אונארדנונ. דיא איינציגע, פאלשטענדיגע לייזונג צו דיעזער פראגע קען, נאך אונזער מיינונג, נאר געפונען ווערען אין דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, וועלכע וועט בעשטימען פאר דיא „אנפיהרער פון דער ארבייטער" גראדע ווי פאר דיא ארבייטער, זייער ריכטיגען פלאץ אין דער געזעלשאפט, אלס בעאמטע פון קהל".

„דיא בעציהונגען צווישען דיא קאפיטאליסטען און די ארבייטער זיינען זעהר פארביטערט, דורך דיא דעמאראליזירענדע בעדינגונגען, אין וועלכע גרויסע מאסען פון דער בעפעלקערונג זיינען פאר'משפט צו פארברייגען זייערע יאהרען. און וויא מען זאל ניט בעטראכטען דיא ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט, איין זאך

*) פאלגענדע סטאטיסטיק קען דאס איבערצייגען: (דיא צאהלען זיינען גענומען פון „ענציקלאפעדיע און סאשעל רעפארמס, רעדאקטירט פון בליס, און פון דעם „סאשעליסט עניואל," 1906, רעדאקטירט פון אונזער חבר ה. ראטהשטיין.)

יאהר	צאהל פון סכסוכים	דיא צאהל פון דיא ארבייטער, וועלכע האבען אין זיי אן אנטהייל גענומען	אין פיעל פער הונדערט האבען די ארבייטער געוואונען	אין פיעל פער הונדערט האבען דיא בעלי־בתים געוואונען	פיעל פער הונדערט האבען זיך געענדיגט מיט א פשרה	אין פיעל פער הונדערט מען וויס ניט דעם רעזולטאט.
1888	517	119,273	48	24	18	10
1889	1,211	359,894	43	17	32	8
1890	1,040	393,245	37	23	22	9
1891	906	267,460	41	30	20	9
1892	700	356,799	41	33	17	9
1893	615	634,301	40	34	25	1
1894	929	325,248	35	36	26	2
1895	745	263,123	35	37	26	2
1896	926	198,190	41	33	26	—
1897	864	230,267	38	35	25	1
1898	711	259,307	33	32	34	—
1899	719	180,217	32	35	33	—
1900	648	188,438	31	34	34	1
1901	642	179,546	25	44	30	—
1902	442	250,267	24	47	28	—
1903	387	116,901	23	48	29	—
1904	354	86,888	17	48	31	3

מוזען אלע צוגעבען, נעמליך : אז דיעזע בעדינגונגען פערלאנגען אן ערנסטע אויפמערקזאמקייט פון דער רעגיערונג, מחמת זיי בילדען דיא אורזאכען פון דער דרינגענדסטער פון אלע פראגען פאר דער מלוכה.

דיא שעדליכע ווירקונג פון דעם „סוועטינג סיסטעם" אין פערשיעדענע מלאכות, די אונגעזונדע ווערשטאטען און וואהנונגען, אין וועלכע גרויסע מתיילען פון דער בעפעלקערונג ארבייטען און וואהנען, דיא קליינע שכירות וואס דיא ארבייטער פון אונגעלערנטע מלאכות בעקומען און דיא אונערטרעגליכע לאנגע ארבייטס־שטונדען, וואס ווערען געארבייט אין א סך אינדוסטריעלע פלעצער, דאס אלעס רופט צו באלדיגער טהעטיגקייט, דאס אלעס פערלאנגט א באלדיגע אומענדערונג.

„מיר דיינקען, אז עס איז שוין געקומען דיא צייט, ווען דיא גאנצע מאכט און דער גאנצער איינפלוס פון דער געזעלשאפט זאלען פארזיכטיג רוהיג, און באשטענדיג בענוצט ווערען אויפצוהויבען צו א העכערער מדרגה דאס לעבען פון איהרע שוואכע און אונטערדריקטע מיטגליעדער. מיר בעטראכטען דאס פאר איינע פון דיא וויכטיגסטע אויפגאבען פון א דעמאקראטישער מלוכה. אבער פארלויפיג לאזען מיר אן א זייט אזעלכע גרינדליכע ענדערונגען, וויא דיא נאציאנאליזירונג פון דיא גיטער וכדומה און מיר שלאגען פאר פאלגענדע באלד דורכפיהרבארע פארבעסערונגען :

1) דיא רעגיערונג און אלע ארטליכע בעהערדען זאלען איינפיהרען אין אלע קהל'שע ארבייטען א'ן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאג, טרייד־יוניאניסטישע בעדינגונגען און א בעשטימטען שכר פאר דעם טאג ארבייט.

2) צו פערברייטען דיא פאבריק געזעצען אויף אלע מלאכות און זיי דורכפיהרען מיט אזא שטריינגקייט, דאס עס זאל בעשרענקען דיא הויז־ארבייט און זאל אונמעגליך מאכען דיא איצטיגע שרעקליכע אויסבייטונג און אונטערדריקונג.

3) צו פערזיכערען דורך א געזעץ, אן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאג אין אלע מלאכות אהנע אויסנאהמע.

4) א גרינדליכע אויספארשונג און א ראדיקאלע לייזונג פון דער פראגע וועגען דיא ארבייטס־לאזע.

5) צו שאפען געזונדע, בעקוועמע וואהנונגען פאר דער גאנצער באפעלקערונג און אויך א בכבוד'יגע אויסהאלטונג פון אלע ארבייטער, ווען זיי ווערען אלט און האבען מעהר קיין כח ניט צו ארבייטען.

„בקיצור, נאך אונזער מיינונג, דארף דיא גאנצע אויפמערקזאמקייט פון א דעמאקראטישע מלוכה זיין געריכטעט, צו פערוואנדלען אויף ווי פיעל עס איז מעגליך דיא קאפיטאליסטישע אונטערנעהמונגען אין קהל'שע אונטערנעהמונגען און וואו דיעזע פערוואנדלונג איז פארלויפיג אונפראקטיש, אדער אונמעגליך זאלען איינגעפיהרט ווערען אזעלכע רעגעלען און ארדנונגען, וועלכע זאלען פערזיכערען יעדען ארבייטער די בעדינגונגען וועלכע אן אמת'ער בירגער קען פאדערען".

עס פערשטעהט זיך אליין, אז דיא בורזשואזנע רעגיערונג, מיט איהרע פערטהיידיגער, האבען פון דיעזע פארשלעגע ניט געוואלט הערען און ניט וויסען, אבער גראדע דאס האט געווירקט צו פערטיעפען און פערשפרייטען די איבערצייגונג, וואס עס האט זיך אנגעפאנגען ביי פיעלע ערוועקען. נעמליך, אז עס עקזיסטירט אן אבסאלוטע נויטהווענדיגקייט און זעלבסט שטענדיגע ארבייטער־פארטרעטער אין פארלאמענט, זיי זאלען ניט לאזען פערווארפען אזעלכע פארשלעגע, מיר ניט דיר ניט, נאר זיי פערטהיידיגען און ארבייטען מיט אלע כחות, אז זיי זאלען דורכגעפיהרט ווערען, אלס געזעצע פון'ם לאנד. און דער פאליטישער בעוואוסטזיין פון דער ארבייטער־קלאס אין ענגלאנד האט אנגעפאנגען וואקסען..

(א שלוסס ארטיקעל נעקסטען חודש).

היאוואטהא

פון הענרי וואדסווארטה לאנגפעללא

(איבערזעצט פון ענגליש) פון יהואש.

איבערזעצערס אַנמערקונג: דיא אינדיאנער ווערטער און נעמען, וועלכע קומען פאַר אין דעם געדיכט, און וועלכע וועלען לכתחלה אויסקומען אביסעל פרעמד דעם אידישען לעזער, זיינען גראדע אזוי האמעטנע אין דעם ענגלישען טעקסט. זיי ווערן אָבער בכיון געברויכט פון לאנגפעללא, ווייל זיי גיבען דעם געדיכט אן אמת'ע אינדיאנישע פארב, וויא דער לעזער וועט אויסגעפינען ווען ער וועט זיך האָבען אביסעל אריינגעלייענט אין דיא וויטערדיגע קאַ־פּיטלען.

הקדמה

פרעגט איהר מיך; וואו כ'נעהם דיא מעשות,
דיא ספורים און דיא סקאזקעס,
מיט דיא ריחות פון דיא וועלדער,
מיט דעם דופט און טהוי פון לאָנקעס,
מיט'ן געקרויזטען רויך פון ביידלעך,
מיט דעם רעש פון שטארקע שטראָמען,
מיט דיא אָפטע ווידערקלאנגען,
און משונה'דיגע עכאָס,
וויא פון דונכער און דיא פעלזען ? —

איך אן ענטפער וועל איך געבען :
„פון דיא וועלדער און דיא פּריירים,
פון דיא גרויסע צפון ־ טייכען,
פונעם לאנד פון דיא אָדזשיבווייס,
פונעם לאנד פון דיא דאקאָטהאס,
פון דיא בערג און פון דיא זומפּען,
וואו דער ווילדער עוף שו־שוּיגא,
אין דיא וואסער שטעקלעך נעהרט זיך.
איך דערצעהל וויא כ'האָב געהערט זיי,
פון דיא ליפּפּען נאוואדאהאס,
דעם מנגן און דעם זינגער.

פרעגט איהר מיך, וואו נאוואדאהא,
האָט דאָס ווילדע ליעד געפונען,
האָט געפונען דיא לעגענדען ? —
איך אן ענטפּער וועל איך געבען :
אין דיא וועלדער ביי דיא פויגלען,
אין דיא הייהלען ביי דיא ביבערס,
אין דיא טריטט פון בופּפעלאקסען,
אין דעם הויכען נעסט פון אדלער.

איהם דיא מעשה'לע'ר געזונגען,
האָבען אלע ווילדע עופות,
פון געמייזעכטס, פון דיא טייכען
פון דיא אומעטיגע זומפּען.
טשעטאָווייק, דער קיבין ־ פויגעל,
מאהנג, דיא ווילדע וואסער ענטעל,
און דיא ווילדע גאנז, דיא וואווא,
אויך דער בלויער עוף שושוגא,
און דיא וואלד הוהן, מושקאדאָזא.

וועט איהר מיך נאָך וויטער פרעגען :
ווער געוועזן איז נאוואדאהא ?
אונז דערצעהל פון נאוואדאהאן ! —
אייער נייגיר וועלל איך שטיללען
מיט מיין קומענדיגען ספּור.

אין דעם טהאָל פון טאוואזענטהא,
אין דער רוהיג ־ גרינער געגענד,
ביי דיא העללע וואסער ־ פלוסען,
דאָרט געלעבט האָט נאוואדאהא.
רונד ארום אינדיאנער דערפעל,
זיינען אויסגעשפּרייט געלעגען,
גרינע לאָנקעס, קאָרען ־ פעלדער,
הינטען איז א וואלד געשטאנען,
וואו דיא סאָסנעס פלעגען שושקען,
גרין אום זוממער, ווייס אום ווינטער,
אויביג זיפצען אויביג שושקען.

און איהר האָט דיא שעהנע פלוססען,
דורכען טהאָל געקענט דערקענען,
דורך דאָס ווילדע רוישען, פריהלינג
דורך דיא וואססער בוימען, זוממער
דורך א גרויען נעבעל, אָסיען
דורך א שווארצע לענטע, ווינטער.
דאָרטען האָט געוואָהנט דער דיכטער,
אין דעם טהאָל פון טאוואזענטהא,
אין דעם רוהיג ־ גרינער געגענד.

דאָרט געזונגען האָט דער זינגער
דאָס געזאנג פון הייאוואטהאן
דאָרט בעזונגען זיין געבורטסשאפט
און זיין לעבען פולל מיט נסים,
זיינע מעשים, זיינע ליידען

אום דיא מענשהייט צו בעגליקען,
אום זיין שבט צו דערהויבען.

איהר וואָס ליעבט, וואו נאטור וואָהנט
ליעבט דעם זוננשיין אויף דיא לאָנקעס,
ליעבט דיא שאטטענס אין דיא וועלדער,
ליעבט דאָס ווינטעל און דיא צווייגען,
ליעבט דעם שניי - שטורעם און רעגען,
ליעבט דעם רעש פון גרויססע שטראָמען
צווישען פיכטענבוים - שטאבעטטען,
און דעם דוננער און דיא פעלזען,
ווען מען אונגעצעהלטע עכאָס,
קלאפּען וויא אין נעסט דיא אדלערם —
הערט דאָס ליעד פון הייאוואטהא.

איהר וואָס ליעבט א פאָלקס געשיכטען,
דיא באללאדען פון אן אומה,
וואָס וויא שטיממען פון דער - ווייטען,
רופען אונז זיך איינצוהערען,
אזוי זיסס נאאיוו און קינדעריש,
ס'קען דאָס אויער קוים בעמערקען,
אויב זיי ריידען אָדער זינגען —
הערט איין דיא אינדיאנער־זאגע
הערט דאָס ליעד פון הייאוואטהא.

איהר ביי וועמען ס'הערץ איז פריש נאָך,
גלויבט נאָך אין נאטור און גאָטטהייט,
גלויבט נאָך אז אין אללע דורות,
יעדער מענשענ'ס הערץ איז מענשליך,
אז אין ווילדענ'ס ברוסט אפילו,
לעבט אן אונבעוואוסטעס שטרעבען,
א באגעהר צו ווערען בעססער,
אז דיא הענד וואָס שוואך און הילפלאָז,
טאפּען בלינדערהייד אין חשך,
טרעפען אן גאָטט'ס האנד אין חשך,
וועלכע הויבט זיי אויף און שטארקט זיי —
הערט דעם ספּור דעם נאאיווען,
הערט דאָס ליעד פון הייאוואטהא.

איהר וואָס וואנדערנדיג פארגעהט אָפט,
אין א גרין - פערוואָרפען ווינקעל,
וואו דיא ווילדע יאגאדע־בוימלעך
הייגען זיירע פרענדז דיא רויטע,
איבער ווענד מיט מאך - בעוואקסען,
און איהר שטעללט זיך אָב בעקוקען,
א פערגעסענעם בית עולם,
שטעהט פערטראכטערהייד און לייענט,
א פּה נקבר האלב - פארמעקט שוין,
אָהן שום חכמות אָנגעשריבען,
ווערטער פשוטע, דאָך יעדעס
פולל מיט האָפנונג און מיט הארצוועה,
פולל מיט צערטליכקייט און קוממער,
אי פון דיא וועלט אי פון יענע —
לעזט דיא איינפאכע מצבה,
לעזט דאָס ליעד פון הייאוואטהא.

I.

דיא שלום - ליולקע.

אויף דיא פּריירי־בערג דיא רויטע,
וואו מע ברעכט די ליולקע־שטיינער,
גיטשע מאניטאָ דער שטארקער,
ער, דער הערשער פונעם לעבען,
איז אראָפּ און אויף דיא פעלזען,
שטעהענדיג צונויפגערופען,
אללע אומות, אללע שבטים.

פון זיין טריטט ארויסגעשפּרונגען,
איז א שטראָם אין מאָרגענשיממער,
און זיך רייסענדיג מיט אימפּעט,
צו דעם תהום אראָפּגעפונקעלט
האט, ווי אישקודא דער שטערער,
זיך גענייגט צו דר'ערד דער גייסט האָט,
אנגעצייכענט דורך דער לאנקע,
איהם א וועג מיט זיינע פינגער,
און געזאָגט : דאָ זאָללסטו לויפען.

מיט זיין האנד אראָבגעבראכט האט,
ער פון רויטען פעלז א ווינקעל,
זיך געמאכט דערפון א ליולקע,
אויסגעצאצקעט מיט פיגורען ;
פאר א מונדשטיק אויסגעריסען,
פון'ם טייך א ראהר א לאנגען
פריש בעדעקט מיט גרינע בלעטלעך ;
אנגעפיללט די פּייפּ מיט שאָלאכין,
מיט דיא רויטע ווערבע שאָלאכין,
אויף דעם נאָהענטען וואלד געפויכט דאן,
ביז די גרויסע צווייגען האָבען,
רייבענדיג זיך אנגעצונדען ;
און געשטאנען אויפ'ן בארג איז,
גיטשע מאניטאָ, דער שטארקער,
רויכערנדיג זיין שלום־ליולקע,
אלס א סימן פאר די פעלקער.

לאנגזאם איז דער רויך געשטיגען,
אין דעם שטיללען מאָרגען־אויר,
ערסט אן־איינציג שטריך א דונקלער,
דאנן א בלאָ־געדיכטע פארע,
דאן וויא שניי א ווייסער וואָלקען,
וויא פון וואלד־בוימען די שפּיצען,
שטייגענדיג אלס העכער העכער,
ביז ער האָט דערגרייכט דעם הימעל,
אָבגעקלאפּט זיך קעגען הימעל,
און פאנאנדער זיך געקייקעלט.

פון דעם טהאל פון טאוואזענטהא,
פון דעם טיעפען לאנד וויאָמינג,
פון די וועלדער טוסקאלאָזא'ס,
פון די שטיינער־בערג די ווייטע,
פון די וואססערען פון צפון,
יעדער שטאמם געזעהן דעם רויך האט,
ווי עס שפּרייט זיך, די פּוקלאנא,
פון דער ווייטער שלום־ליולקע.

און די פאָלקס־פּראָפעטען האָבען,
דאן געזאָגט: ס'איז צופּוקוואנא !
אָט מיט דעם סיגנאל וואָס וויגט זיך,
ווי א ווייכער ווערבע־שטעקעל,
ווי א האנד וואָס רופט פון ווייטען,
רופט צוזאמען אללע שבטים,
גיטשע מאניטאָ, דער שטארקער,
רופט די קריגסלייט אויף בעראטהונג.

דורך דיא פּרייריס, איבער טייכען,
זיינען קריגסלייט אָנגעקומען,
די קאָמאנטשיס און די טשאָקטאָס,
און די דעלאוואָרס און מאָהאָקס,
די אָמאהאָס און די פאָניס,
די דאקאטאס און די מאנדאנס,
די אָדזשיבוויס און די הוראָנס,
אללע האָבען זיך פארזאמעלט,
דיא שאָשאָניס און די בלעקפיט,
אויף דער שלום־ליולקע'ס צייכען,
ביי די פּריירי־בערג די רויטע,
וואו מען ברעכט די ליולקע שטיינער.

דאָרט געשטאנען אויף דער לאנקע
זיינען זיי אין קריעגס־מלבושים,
אנגעפארבט ווי אסיען־בלעטער,
אנגעפארבט ווי מאָרגען־הימלען,

זיך באקוקענדיג מיט צאָרען;
אויפ'ן פנים שוארצע רוגזה,
אין דער ברוסט דער האסס פון דורות,
לוסט פון ראכע אבגע'ירש'נט,
נאָך פון אבות אבותנו.

גיטשע מאניטאָ, דער שטארקער
דער באשעפער פון די פעלקער,
האָט געקוקט אויף זיי מיט מיטלייד,
מיט די ליעבשאפט פון אפאָטער;
זייער צאָרען זייער שטרייטען,
אנגעקוקט ווי קריעג פון קינדער,
ווי מלחמות בלויז פון קינדער.

האָט זיין רעכטע האנד פארשפרייט דאן,
אום צו צאהמען זייער ווילדקייט,
אום דיא ראכע־לוסט צו שטיללען,
מיט דעם שאטען פון זיין רעכטער,
און זיין שטאָלצער קול געהילכט האט,
ווי דער רעש פון ווייטע שטראמען,
פאללענדיג אין תהום אין טיעפען —
און זיי זידלענדיג גע'מוסר'ט:

„קינדער מיינע! ארמע קינדער!
הערט זיך איין די קלוגע ווערטער,
הערט זיך איין די מוסר־ווערטער,
פונעם מויל, פון גייסט דעם גרויסען,
וועלכער איז דער האר פון לעבען,
און געבראכט האָט אייך אויף דער וועלט.

„כ'האָב אייך לאנד אויף יאגד געגעבען,
טייכען איהר זאָלט קענען פישען,
אייך געשאָנקען בופפעל־אָקסען,
הירשען רענטהירען און בערען,
ווילדע געגז און ביבער־חיות;
זומפען פולל מיט וואסער־עופות,
ימים פולל מיט אללע פישען,
ווארום זייט איהר ניט צופריעדען,
און איהר רודף'ט נאכאנאנד זיך? —

„איך בין מיעד פון אייער שטרייטען,
מיעד פון קריג און שפיכות־דמים,
מיעד צו הערען ראכע־תפלות,
מיעד פון אייערע מחלוקות.
אייער כח ליעגט אין אחדות,
פיינדשאפט ברייננגט אייך נאָר געפאהרען,
לעבט פון איצטער אן אין שלום,
לעבט צוזאממען טריי ווי ברידער.

„שיקען וועל איך אייך א נביא,
א בעפרייער פאר די פעלקער,
ער וועט פיהרען אייך און לערנען,
מיהען פלאגען גלייך מיט אייך זיך.
וועט איהר זיינע עצות האָרכען,
וועט איהר גליקליך זיין און וואקסען,
וועט איהר זיינע רייד ניט אכטען,
מוסט איהר אונטערגעהן און וועלקען.

„באדט זיך אין דעם שטראם וואָס פליסט דאָ,
וואשט דיא קריגס־פארב פונעם פנים,
וואשט דעם בלוט־פלעק פון די פינגער,
אין דער ערד פארגראָבט די וואפפען,
ברעכט זיך שטיקלעך רויטען שטיין אָפּ,
מאכט דערפון זיך שלום־ליולקעס,
קלייבט פון טייך זיך וואסער־שטעקלעך,
פוצט זיי אויס מיט העללע פעדערן,
רויכט דעם קאליומעט צוזאמען,
און פון איצטער לעבט ווי ברידער.

אויף דער ערד אראָבגעוואָרפען
האָבען זיי די הירש־פעלל־מאנטלען,
קריגס־מלבושים און כלי־זיין,
אין דעם טייך אריינגעשפרונגען,
און געשוויינקט די פארב פון פנים.
קלאָר געשטראמט דער טייך האָט אויבען,
קלאָר ווי ס'איז ארויסגעקוואללען,
פון דעם לעבעס־הערשערס פוסס טריט,
מוטנע איז געווען אראָב־צו,
קויטיג רויט געפלעקט דאָס וואסער,
ווי עס וואָלט מיט בלוט געמישט זיך.

ריין פון קריגס־פארב, פונעם וואסער
איז ארויס די מחנה קריגסלייט,
האָט ביי'ם ברעג די העק באגראָבען,
טיעף באגראָבען אללע וואפפען.
גיטשע מאניטאָ, דער שטארקער
גרויסער גייסט האָט געשמייכעלט
אויף די שואכע קינדער זיינע.

שווייגענדיג די קריגער האָבען,
רויטע שטיינער אָבגעבראָכען,
און געמאכט זיך שלום־ליולקעס.
פונעם טייך גענומען שטעקלעך,
זיי בעפוצט מיט העללע פעדערן,
דאן אוועק א היים איז יעדער.
דאָך דער גרויסער האר פון לעבען.
דורך א שפאלט אין וואָלקען־פאָהראנג,
דורך דעם טהויער פונעם הימעל,
איז פון זייער בליק פארשוואונדען,
אין דעם רויך־ים וואָס ארום איהם,
האָט פארשפרייט דיא שלום־ליולקע.

.2

דיא פיער ווינטען.

„גיט אָב כבוד מאָדזשיקיוויס“
האָבען פון דעם פאָלק די זקנים,
און די קריגסלייט אויסגערופען
ווען אין זיעג אהיים געבראכט האט
ער, דעם הייל'גען וואמפום־גארטעל,
פון דעם צפון־ווינד'ס מדינות,
פון דעם קעניגרייך וואבאססא,
פון דעם לאנד פון ווייסען קראָליק.

ר'האָט פון האלז, דעם וואמפום־גארטעל,
צוגע'גנב'עט מישע־מאָקוואן,
יענעם בארג־בער וואָס געוועזען,
איז דער שרעק פון אללע פעלקער —
ווען ער איז אין שלאָף געלעגען,
אונגעלומפערט אויפ'ן בארג־שפּיץ,
ווי א פעלז מיט מאָך בעוואקסען,
ברוין און גראָ מיט מאָך בעוואקסען.

שטילל זיך צוגע'גנב'ט האָט ער,
ביז דער חיה'ס רויטע נעגעל,
שיער ניט האָבען אנגעריהרט איהם,
ביז איהר הייסער הויך געווארעמט,
האָט די הענד פון מאָדזשיקיוויס,
ציהענדיג דעם וואמפום־גארטעל,
איבער די פערשלאָפ'נע אויערן,
איבער די פארשלאָפיגע אויערן,
ביז דער סאמע נאָז דער לאנגער,
ביז דיא נאָזלעכער די שווארצע,
וואָס מיט שווערען אטהעם האָבען,
מאָדזשיקיוויס הענד געווארעמט.

שווינגענדיג זיין האק אין אויר,
מיט א קריגס־געשריי א ווילדען,
האָט דעם שטארקען מישע־מאָקווא,

ער געטראָפען ...יך אין שטערען,
סאמע צווישען ביידע אויגען.

פון דעם ווערען קלאפ צוטומעלט
האָט זיך אויפגעכאפט דער בארג-בער,
דאָך געפאלען פון די פיסס באלד,
וואנקענדיג אראָבגעלאָזען,
זיך אויף זיינע הינטער-לאפּעס,
און געיאָמערט ווי א פרוי דאָן.
און דער שטארקער מאדזשיקיוויס,
שטעהענדיג פאר איהם אָהן מורא,
אויפ'ן קול פון איהם געיעגט האָט,
און געזאָגט איהם מיט פאראכטונג:

„הער דו בער, דו ביזט א פחדן
וואָללסטו טאקי אין דער אמת,
שטאק געוועזען ווי דיין אנשטעלל,
וואָללסטו ווי א פרוי ניט וויינען.
בער! דו וויסט מיט אונזער שבט,
האָסטו לאנג געפיהרט מלחמה,
איצטער זעה, מיר זיינען שטארקער,
געה פארררוק זיך אין די וועלדער,
געה באהאלט זיך אין דיא פעלזען.

ווען באזיעגט וואָלסט דו אין קאמפּף מיך,
ניט געקרעכצט אפילו וואָלט איך,
אָבער דו, בער, זיצסט און יאמערסט
ווי א שוואכע שאָגאָדייא,
ווי א באביצע אן'אלטע.

וויעדער האָט ער זיך פארמאסטען,
מיט דער האק אויף מישע-מאָקוואַ'ן,
איהם געטראָפען גלייך אין שטערען,
ווי די פישער ס'אייז אים ווינטער
איז דער בארגער-מישע-מאָקוואַ,
אָט אזוי געטויט געוואָרען,
איז דער בארג-בער-מישע-מאקווא,
איז דער שרעק פון אללע פעלקער.

„גיט אב כבוד מאדזשיקיוויס“
האָט מיט פרייד דאָס פאָלק געשריען,
„גיט אָב כבוד מאָדזשיקיוויס“
ער זאָל זיין דער ווינד פון מעריב,
און פון איצטער אן און ווייטער,
זאָל ער האָבען די ממשלה
איבער אללע הימעל-ווינטען.
רופט איהם מעהר ניט מאָדזשיק-וויס,
קאביאָן נאָר, ווינד פון מעריב.

אָט אזוי איז מאָדזשיקיוויס,
אויסערוויילט געוואָרען דאמאלס,
פאטער פון די הימעל-ווינטען,
זיך געלאָזט דעם מעריב האָט ער
און דן רעשט די זיהן צושאָנקען.

מזרח-ווינד געגעבען וואבון,
ווינד פון דרום שאָוואָדאזי'ן
און דעם צפון-ווינד דעם רויהען
צו זיין זוהן קאביבאָנאָקקא.

שעהן און יונג געוועזן איז וואבון,
ער פלעגט אנזאגען דעם מאָרגען,
פלעגט די נאכט פון בערג און טהאלען,
מיט זיין זילבער-פייל פאריאָגען,
זיין געזיכט געוועזען באפארבען
איז מיט העללע פורפור-שטרייפען,
אויפגעוועקט זיין קול דאָס דאָרף האָט,
און אין וואלד דעם הירש און יעגער.

איינזאם איז געוועזען וואבון;
ס'פלעגען איהם די פייגעלעך זינגען,
ווילדע בלומען פון דער לאנקע,
פלעגען איהם מיט ריחות גריססען,
וואלד און שטראם א ברוך-הבא
פלעגען איהם אנטקעגען רויישען,
דאָך זיין הערץ געוועזן איז טרויריג,
איינזאם פלעגט איהם זיין אין הימעל.

איין פריה-מאָרגען ווען דאָס דאָרף האָט
נאָך געדרעמעלט און דער נעבעל,
איז געלעגען אויפ'ן וואסער,
ווי א שד וואָס לויפט פון זוננליכט,
האָט דערזעהען ער אויף א לאנקע,
ווי א מיידעל וואנדערט איינזאם,
זאמעלט ווילדע וואסער-ליליעס,
ביי דעם טייך וואָס אויף דער לאנקע.

יעדען מאָרגען גאנץ באגינען,
איהם דיא ערסטע זאך באגעגנען,
פלעגען ס'מיידעל'ס בלאָע אויגען —
צווישען גראָז צוויי בלאָע טייכלעך,
ליעב געקראָגען האָט ער ס'מיידעל,
וואָס אויף איהם פלעגט איינזאם ווארטען,
ער ווי זי געווען איז עלענד,
ער אין הימעל, זי אין לאנקע.

און ער פלעגט זי צערטליך גלעטען,
מיט זיין שטראהלען-שמייכעל לאסטשען,
מיט זיין זיססען ריידען לאסטשען,
מיט זיין זיפצען און זי'ן זינגען,
מיט זיין סוד'ען אין די צווייגען —
זיסען דופט און ווייכע קלאנגען.
ביז ער האָט זי צוגעטוליעס,
אונטער'ן פורפור-קלייד צום הערצען,
און פארוואנדעלט אין א שטערען,
וואָס איהם ציטערט אויפ'ן הערצען.
תמיד זעהט מען זיי צוזאמען,
וואבון מיטען וואבון-אננונג,
מזרח ווינד און מאָרגענשטערען.

דאָך דאָס הויז קאביבאנאָקקא'ס
איז געוועזן ביי'ן ים הקרח,
וואו עס ליגען אויביג שניי-בערג,
אין דעם קעניגרייך וואבאססאָ,
אין דעם לאנד פון ווייסען קראָליק.
ער פלעגט עס אין צייט פון אסיען
שארלאך-רויט די בוימען פארבען,
רויט און געלל די בלעטער מאָלען,
ער פלעגט עס דעם שניי-ווינד שיקקען
דורכ'ן וואלד מיט סוויסטשעריען,
פלעגט פארפרירען אללע טייכען,
פלעגט דיא ים-פייגלעך פארטרייבען
אין די געגענדען פון דרום,
פלעגט די וואסער-עופות צווינגען,
זייער נעסט פון גראָז צו זוכען,
אין דעם לאנד פון שאָוואָנדאזי.

איין מאָל פון זיין קאלטער וואָהנונג,
פון זיין היים ביי'ן ים הקרח,
איז ארויס קאביבאָנאָקקא,
און מיט שניי-באשפריצטע קודלעס,
וואָס אראָבגעפלאָסען זיינען,
גלייך ווי דונק'לע שטראָמען ווינטער,
וואיענדיג געלאָפען האסטיג,
איבער אייז-באדעקטע טייכען,
איז ער צו דעם לאנד פון דרום,

דאָרט ביי'ן טייך באגעגענט האָט ער
שינגעבים, דעם וואסער טויכער,
וואָס א בינדעל פיש געשלעפּט האָט,
אויף דעם זומפּ דעם איינגעפראָר'נעם.

אויסגעוואנדערט האָט זיין שבט,
לאנג אין לאנד פון שאוואנדאזי,
ער אליין נאָר איז פארבליבען.

צאָרנינג האָט קאביבאָנאָקקא,
זיך צושריען: „ווער דערוועגט זיך,
אין מיין קעניגרייך צו בלייבען,
ווען די ווילדע גאנז די וואווא,
שוין אוועק אין דרום־לאנד איז,
ווען די וואססער־עוף שושוגא
לאנג אוועק אין דרום־לאנד איז? —
כ'וועל אריינגעהן אין זיין וויגוואם,
און וועל אויסלעשען זיין פייער.

ווילד און קלאָגענדיג געקומען,
איז ער ביי דער נאכט צום ביידעל,
זי ארום מיט שניי פארשאָטען,
האָט געליארעמט דורכ'ן קוימען,
האָט מיט כעס די ווענד געריסען,
און געפליקט פון טהיר דעם פאָרהאנג
אָבער שינגעבים דער טויכער,
איז געזעסען אָהן שום מורא,
איז געזעסען אונבאקימערט,
דען צו הייצען, פאר פיער מאָנאט,
האָט ער אנגעגרייט פיער פלאָרעס,
און זיין שפייז איז פיש געוועזען.
מונטער זיצענדיג ביי'ן פייער,
האָט געגעסען און געלאכט ער,
זינגענדיג: קאביבאָנאָקקא,
דו ביסט שטערבליך גלייך ווי איך בין.

דאנן אריין קאביבאָנאָקקא,
איז אין הויז און שינגעבים האָט,
דורך די קעלט דערפיהלט זיין נאָהענטקייט,
האָט דערפיהלט זיין פראָסטיג אטהעם,
דאָך ניט אויפגעהערט צו זינגען,
און ניט אויפגעהערט צו לאכען,
בלויז צוריהרט דאָס האָלץ, און ס'פייער,
האָט נאָך העללער זיך צופלאקערט,
פונקען שפריצענדיג אין קוימען.

פון קאביבאָנאָקקא'ס שטערען,
פון די שניי־באשפריצטע קודלעס,
איז א דיקקער שוויים גערונען,
און אין אש געגראָבען לעבער,
ווי דאָס אייז וואָס ווערט צוגאנגען
אנהייב פריהלינג, טריפט ארונטער,
פון די בוימען און די דעכער,
און אין הויפען שניי מאכט גריבלעך.

ביז ער האָט באזיעגט געפיהלט זיך,
ניט געקענט די היץ פארטראָגען,
ניט דאָס זינגען און דאָס לאכען,
דורך דער טהיר ארויסגעלאָפען
איז ער, און דעם שניי געטראמפעלט,
אללע טייכען איינגעטראמפעלט,
האָט פערהארטעוועט דעם שניי דאָרט
דיקער דאָרט געמאכט דעם אייז־דעק,
דאן דעם פיש־פאנגער גערופען.
האָט ער זיך מיט איהם צוראנגלען,
נאקעט זיך מיט איהם צו ראנגלען,
אויף די פראָסט־געקליידעטע זומפען.

נאקעט איז ארויס דער פישער,
זיך א גאנצע נאכט געראנגעלט,
אויף דער לאנקע מיט'ן נאָרד־ווינד,
מיט דעם כעס קאביבאָנאָקקא'ס,
ביז ער האָט נאָר קוים געסאָפעט,
קוים די אייז־פינגער באוועגט נאָך,
קוים געהאלטען אויף די פיס זיך,
און באזיגט, זיך אָבגעטראָגען,

אין דאָס קעניגרייך וואבאססאָ,
אין דאָס לאנד פון ווייסען קראָליק.
הערענדיג דעם וואססער־טויכער,
ווי ער לאכט איהם אויף'ן קול נאָך,
ווי ער זינגט: „קאביבאנאָקקא
דו ביסט שטערבליך גלייך ווי איך בין.

שאָוואנדאזי, פעטט א'ן עצל
האָט געוואָהנט אין ווייטען דרום,
אין דעם שלעפערדיגען זוננשיין,
אין דעם אויביג גרינעם זומער.
ער אוועקשיקען אין צפון
פלעגט די פויגלעך פון די וועלדער,
ס' רוטע־העלזעלע א פיטשי,
ס' בלויע פייגעלע אָווייססא,
אויך דאָס שוועלבעלע, די שאָשאָ,
און די ווילדע גאנז די וואווא,
שיקען פלעגט טיטון און קירבעס,
און די וויינטרויבען די רויטע.

פון זיין פייף דער רויך פארציהען,
פלעגט דעם הימעל מיט א נעבעל,
מיט א חלום'דיגע ווייכקייט,
האָט געמאכט דאָס וואסער שיממערן,
און פארגעלט די שארפע פעלזען,
האָט געבראכט א צווייטען זומער,
אין דעם אומעדיגען צפון,
אין די וויסטע צייט פון שניי־שיך.

זאָרגלאָז שטילער, שאָוואנדאזי!
ס'האָט זיין לעבען בלויז איין שאטען,
ס'האָט זיין הערץ געהאט איין וועהטאג.
איין מאָל קוקענדיג אין צפון,
ווייט אהינצו אויף דער פּרוירי,
האָט זיין בליק דערזעהן א מיידעל,
הויך און שלאנק און שעהן געוואקסען,
איינזאם שטעהן דאָרט אויף דער פּרוירי.
העלל־גרין איז איהר קלייד געוועזען,
און די האָאָר ווי זוננענשטראהלען.

יעדען טאָג באקוקט זי האָט ער,
יעדען טאָג געזיפצט מיט שמאכטען,
יעדען טאָג אין ברוסט געוואקסען,
איז זיין ליבשאפט און זיין בייענקען,
נאָך דעם גאָלדגעלאָקטען מיידעל.
דאָך צו פויל, איז ער געוועזען,
זיך צו שדכ'נען צום מיידעל,
איז געוועזען צו פארשלאָפען,
נאָכצוגעהן איהר, איינצורייידען.
און אזוי געבליבען איז ער,
נאָר ביים קוקען און ביים שמאכטען,
נאָך דעם מיידעל אויף דער פּרוירי.

ביז א קוק טהוענדיג אין צפון,
איין פריה מאָרגען האָט דערזעהן ער,
ווי די גאָלדענע לאָקקען איהרע,
האָבען זיך אויף ווייסס געביטטען,
ווי מיט ווייססען שניי באדעקט זיך.
„אָ, מיין ברודער פונעם צפון
פון דעם קעניגרייך וואבאססאָ,
פון דעם לאנד פון ווייססען קראליק,
האָסט דאָס מיידעל מיר גע'גנב'עט,
האָסט אויף איהר דיין האנד געלעגט שוין,
האָסט איהר הערץ מיט שיינע מעשות,
פון דעם צפון־לאנד געוואונען“.
אָט אזוי האָט שאוואנדאזי,
אויסגעהויכט זיין שמערץ אין אויר,
און דער ווינד וואָס אויף פּרוירי,
היים געוועהט האָט פון זיין זיפצען,
פון דיא זיפצען שאוואנדאזי'ס,
ביז דיא לופט איז ווייס געוואָרען

ווי פון שניי, און פון דיא פּריירי,
איז געווען מיט דיסטעל־בליהונג.
מעהר געזעהען האָט שאָוואָנדאזי,
ניט דאָס גאָלד געלאָקטע מיידעל.

אבגענאררטער שאוואנדאזי,
דו האָסט ניט געזעהן א מיידעל,
ניט געשמאכטעט נאָך א יונגפרוי,
ס'איז געווען א פּריירי־בליהונג,
וואָס אין דיינע זוממער טרוימען,
פלעגסטו אנקוקען מיט בייגקשאפט,

און פערשמאכט פון ליבע זיפצען.
ביז צובלאָזען האָט דיין זיפץ זי,
אָבגענאררטע שאוואנדאזי.

אָט אזוי פארטהיילט געוואָרען
זיינען אללע ווינטען,, דאמאלס,
יעדער זוהן פון מאדזשיקיוויס,
האָט געהאט א ווינקעל היממעל,
בלויז פאר זיך דעם ווינד פון מעריב,
האָט באהאלטען מאדזשיקיוויס.
(פאָרטזעצונג פאָלגט.)

דיא אלטע יודאשע.

עס איז איצט בין מנחה למעריב,
די זונן האלט שוין ווייט אין פערגעהן;
יודאשע די אלטע אלמנה,
זי זיצט איצט ביים פענסטער אליין.

איהר פנים איז בלאַס און אין קנייטשען
פון יאָהרען און צרות גאַנץ פיעל,
זי לעבט איצטער איבער איהר לעבען
דאָס וויסטע. זיא זיפצט אזוי שטיל.

און הונדערטער טרוי'ריגע בילדער
אלץ שוועבען אַרום פאר איהר בליק ;
זיי וואַקסען אַרויס אַזוי בולט
און שווינדען און קומען צוריק.

און וואָס פאר אַ שרעקליכע בילדער !
פון עלענד, פון ליידען, פון נויט —
אָט שוועבען אַרויף צוויי לויות :
איהר מאַנס און איהר קדיש'עלס טויט.

און בלייכער נאָך ווערט זיא אין פנים,
און ליידענדער זעהט זי נאָך אויס ;
עס דוכט זיך, אָט־אָט, אַ מינוט נור
און אויס מיט דער אַלטעטשקער, אויס.

נור באַלד ווערען קלענער דיא קנייטשען
און שטראַהלען העבט אָן איהר געזיכט,
די אויגען, די שוואַכע, די כמאַרנע,
זיי צינדען זיך אָן ווי די ליכט.

מיר דוכט זיך, עס וואָלט אין דער ווילע
קיין איינציגער מענש זי דערקאָנט :
זי האָט אָן איהר ליעבע די ערשטע
אין יענער מינוט זיך דערמאָנט.

יוסף יפה.

א קאַפּיטעל א יליען לעבען

פון מאַיר בלינקין.

מלך דער האָלץ משרת איז אויפגעשטאַנען 5 אוהר, וויא תמיד, און זיך געשטעלט דאַבענען, דאַבענען ־ דיגערהייט איז ער צוגעגאַנגען צום שאַפּקעלע, וועלכע שטעהט מיט איין זייט אויף צוויי געברענטע ציגעל און מיט דער אַנדערער אויף א גראָבען שטיק בעראַזאָווע האָלץ. דעם שטיק האָלץ הייסט ער ניט צעפּען: זאָל ער ליגען. ניט איינמאָהל האָט פראַדלען אויסגעפּעהלט האָלץ. ניט איינמאָהל האָט זיא אַן אויג געוואָרפען אויף דעם גראָבען שטיק בעראָזע, נאָר מיילאך האָט פערזאָרגט, אז מען זאָל איהם ניט אַרויסנעהמען. עס וועט אויף איהם קומען א צייט, קלערט ער ביי זיך. עס וועט דאַן זיין גלייך וויא געפונען.

צוגעהענדיג צום שאַפּקעלע, האָט ער מיט דער פוס ווייטער פערשטופּט דאָס שייטעל האָלץ, עס זאָל זיך ניט וואַרפען אין דיא אויגען. ער האָט אָבגעעפענטביידע טיהרלעך, האָט זיך צוגעזעצט און אָנגעהויבען איבערקוקען אלץ, וואָס אין דעם איז געווען: איבערגעציילט דיא צוקער, דיא ציבעלעס, אַרומגעמאָסטען דעם ברויט, געעפענט דאָס טהיי קעסטעלע אַריינגעקוקט אין דעם האָט דאָס א טרייסעל געטהאָן און צוריק פערמאַכט, אַוועקגעשטעלט אויף דעם זעלבען פּלאַץ, וואו ס'איז געשטאַנען. לאָזענדיג דאָס שאַפּקעלע אָן אָפענע איז ער צוגעגאַנגען צום טיש, האָט אַרויסגערוקט דעם שופלאָד און אָנגעהויבען בעקוקען אלץ וואָס דאָרט איז געווען, דאָס אלץ האָט ער געטהאָן לאַנגזאַם, פאַרזיכטיג און כמעט גאָר ניט טראַכטענדיג מכוח דעם.

ער האָט צונויף געשאַרט עטליכע שטיקלעך צוקער, צוביסענע און פון פליגען פאַרשמירטע, זיי אַרומגעבלאָזען און אַוועקגעלייגט אויפן טיש און דערביי געשאָלטען אימיצען שטילערהייט. דאַן האָט ער נאָך אמאָהל אַריינגעלייגט דיא האַנד אין שופלאָד, האָט אָנגעהויבען צונויפשאַרען עטליכע פּאַסאָליעס, וועלכע זיינען שוין דאָרט געלעגען גאַנץ לאַנג. איין פּאַסאָליע האָט זיך פער'עקשן'ט און זיך בעהאַלטען אין א שפּאַלט צווישען צוויי ברעטלעך. וויל מלך דוקא זיא אַרויסנעהמען, ער וויל אויספיהרען. נור וואָס מעהר ער רוקט מיטן מעסער, פאַרקריכט זיא אַלץ טיעפער. אם ענדע האָט ער נישט אויסגעהאַלטען און אָנגעהויבען שרייען און וועקען דאָס ווייב.

„וואָס מאָרדעוועט שוין דאָרט מיט דיר?“ האָט זיך דערהערט דער ווייב'ס שטימע פון צווייטען חדר. ער וויל דוקא אויפוועקען דיא קינדער; האָסטו זיי שוין אָנגעגרייט א גוטען אָנבייסען? איך בין גערן אז זיי שלאָפען, גזלן! האָט גאָר קיין ברעקיל רחמנות ניט. א גאַנצע נאַכט אז דאָס קינד ציהט מיך. טאָמער וואָלט איך כאָטש פאַרטאָג אַביסעל אַנדרעמעלט געוואָרען, פאַרגינט ער מיר דאָס אויך ניט„.

מלך איז נאָך בייזער געוואָרען און אָנגעהויבען נאָך מיט מעהר פרישקייט שרייען און שילטען. „ס'זאָל אויף אייך אָנקומען א צרה אויף אַלעמען. איך זאָל פון אייך פּטור ווערן. אין דיא הייזער וועל איך באַלד דורך אייך אַוועקגעהן, געה, זעה! וויא אלץ איז צושאָטען, אלץ וואַלגערט זיך. דעם מלך'ס אוצרות קען מען דאָך אייך ניט נאַסטאַרשצען, דאַרמאַיעדניקעס! ס'אַרט זיי רען פאַר מיר? דו האָרעווע, באַק זיך א גאַנצען טאָג אויף דער זונן און זיי וועלען דאָ פּוכלען.“

„וואו איז צושאָטען? וואָס איז צושאָטען? ניכפּעניק, ס'איז שוין אויף דיר אָנגעקומען דאָס זוכעניש?

„געה נאָר זעה, וויפיעל צוקער איך האָב אַרויסגענומען פון שופלאָד און אָט וויפיעל פּאַסאָליעס עס וואַלגערט זיך“ — האָט ער נאָך ביטירער געענטפערט.

„ס'איז נישט דיינס, ס'איז חצקעל'ס“.

„הערצייל דער באָבען דיינער, מעשיות, נישט מיר! אָט דאָס זאָל מען היינט צום אָנבייסען אויסטרינקען!

„טאָמער וואָלסטו פערשלאָסען! פריץ, דו קענסט דאָך“.

„אודאי דאַרף מען פון אייך פערשליסען“ — האָט ער איהר אויף להכעיס געענטפערט.

„פון וועמען, פון אייך? דו, קליפּה, דאָס איז דאָך דו מיט דיינע ממזרים“!

פראדלען האט א שיין געטהאן א שרעקליכער געדראנק: וויא וואלט נאך געווען אז ער זאל אין אמת'ן וויסען? אי, איהר לעבען, איהר לעבען! קיינמאהל קיין גוט ווארט ניט הערען, טאג וויא נאכט נאר געשריען, נאר געשאלטען! אמת, זיא איז א גרויסע זינדיגערן, זיא ווייסט, אז זיא איז ווערטה מען זאל זיא פערשטיינערן; אין קיין אידישע שטוב טאר מען איהר נישט אריינלאזען... אבער גאט איז איהר עדות, ער ווייסט דעם אמת, אז ווען ער זאל ניט זיין א שלעכטער, אזא ביטערער, וואלט זיא דערצו ניט געקומען... אנדערע ווייבער מאכען אן קריעג, מחלוקות, צוליעב א נארישקייט: גיב זיי געלד אויף פרעגלען ווארעניעס, קויף זיי זיידענע פייציילקעלעך, קיימעלעך, זייגערלעך, אדער שטעל זיי גאר צו א דיענסט, און איהר קומען אזעלכע זאכען אפילו אויפן זינען ניט, זי וואלט נאר וועלען, אז ער זאל זיין א מענש... א, אי, אי האט זיא טיעף אבגעזיפצט.

מלך האט דערווייל אויסגעטאהן דעם טלית און תפילין, אפגעטרונקען טהיי, גענומען דעם ברויט אבגעשניטען עטליכע רייפטלעך פאר דיא קינדער און האט אויף יעדען שטיקעל ברויט אויפגעלייגט צו צוויי שטיקלעך צוקער. דאס איבריגע האט ער פערוויקעלט און אוועקגעלייגט צוריק. ער איז א ווייל געבליבען שטעהן, דערנאך האט ער ארויסגענומען נאך א שטיקעל צוקער דאס אוועקגעלייגט אויפן טיש פאר דער פיער־יאהריגער חיהקעלען, וועלכע איז קראנק און געזאגט זיך אונטער'ן נאז; „נישט־קשה, מען מעג טרינקען טהיי, זיסענקע צו צוויי שטיקלעך צוקער ווארפען אין א גלאז וועט אויך זיין גענוג. נאכדעם וויא ער האט איהר אבגעזאגט נאך עטליכע שטעכווערטלעך, האט זיך מלך גענומען קלייבען אין וועג. — שוין דריי פערטיל אויף זעקס.

ער האט אראפגענומען זיין שווארצע, לאנגע קאפאטע, וועלכע איז געהאנגען אויפן וואנט אונטער א ווייסען, ביי איין ברעג צוריסענעם, ליילעך, אויף א גראבען, פערדרייטען צוואק, זיא פאמעלעך אהן חשק אנגעצויגען אויף זיך, א קוק געטהאן אויף דיא שיך, וועלכע ווילען שוין מעהר קיין לאטעס נישט צונעהמען, און א טראכט געטהאן דערביי: אויב ער וועט נאר קענען פערקויפען עפעס האלץ, אז חיים גרינבערג זאל א מכה וויסען, איז דאס ערשטע מוז ער האבען שיך. דערנאך האט ער אראפגענומען דעם קארטוז, איהם גוט ארומגעבלאזען, אבגעווישט דעם דאשעק מיטן ארבעל פון דער קאפאטע, א קוק געטהאן אין שפיגעל, ארומגעטרייסעלט אלע ברעקלעך פון דער בארד, וועלכע זיינען פערבליבען פון'ם עסען, זיך אבגעזיפצט און געלאזט געהן צום טהיר :

הערר, פריץ! — ווארפט איהם נאך, פראדעל, נאר איהר שטימע קלינגט ווייכער : ווערסט היינט קומען ווארעמעס עסען? טא לאז איבער עפעס געלד, ווייסט דאך, אז איך האב א גראשען ניט !

מיילאך האט דערפיהלט דיא ווייכקייט פון איהר קול, האט זיך אומגעקעהרט צו איהר מיטן פנים און געענטפערט האלב פריינדליך: „איך וועל היינט קומען פריהער, וועל איך ברייענגען".

באלד נאך זיין אוועקגעהן האט פראדעל פערשפארט דיא טהיר און א קוק געטהאן צו האט ער עפעס צוגעביסען צום טהיי. איבערציי־גענדיג זיך אז יא, ווערט זיא אביסעל רוהיגער. דאך קען זיא זיך אין גאנצען ניט בערוהיגען. עס פערדריסט איהר פארוואס זיא האט אויף איהם געשריען. א ריינער אונגליק מיט איהר! וויא פיעל מאהל זיא האט שוין אויף זיך גענומען איהם מעהר ניט ענטפערן, און זיא קען זיך ניט אפגעוועהנען. זיא שרייט נאך אויף איהם! זיא איז נאך גערעכט! . . .

זיא איז צוגעגאנגען צו א סאפקע אויף וועלכע עס זיינען געשלאפען צוויי אינגלעך פון 6 און 4 יאהר אלט, האט בעסער אוועקגעלייגט זייערע קעפעלעך אויפן קישען, צארט זיי א קוש געטהאן אין דיא קאלטע שטערענדלעך, ארומגעדעקט זיי מיט דיא שמאטעס, וועלכע האבען זיך אראפגערוקט, אבגעטריבען דיא פליגען, וועלכע האבען זיי געביסען און אויפגעעפענט א פענסטער עס זאל זיין לופטיגער.

„ווען שלמה זאל זיין א קלוגער און קומען אצינד, וואלט ער געטהאן וויא א חכם" — האט ביי איהר א בליטץ געטהאן א געדאנק, געהענדיג צוריק אין שלאף־צימער. נאר באלד האט איהר פערדראסען, פאר וואס זיא בייינקט אזוי נאך שלמה'ן. זיא האט זיך אזוי צוגעוויינט צו זיין קומען יעדען פריהמארגען, אז טאמער איז ער נישטא אזוי גיך, טראכט זיא איבער גאט ווייס וואס, און ער, שלמה, איז דאכט זיך, פערקעהרט, געווארען קעלטער.

זיא האט אנגעהויבען ארויסרופען אלע בילדער, וועלכע זיינען ביי איהר זעהר טהייער: וויא אזוי זיא האט זיך דעם ערשטען מאהל ערקלעהרט אין ליעבע מיט שלמה'ן. ס'הייסט — ליעב האבען זיי זיך געהאט, שוין גאנץ לאנג, זיי האבען נאר איינער דעם צווייטען גאר נישט געזאגט.

זיא האט זיך דערמאנט וויא ס'איז פארגעקומען : איין פריהמארגען האט מלך זעהר

שטארק געבושעוועט. ער האָט איהר געזאָגט „וואָס אין קאַרט". זיא אָנגערופען מיט דיא ערגסטע נעמען, פון שטוב זיא געטריבען, זיך געוואָרפען צו איהר שלאָגען... פאר וואָס, ווייסט זיא אליין ניט! ס'איז איהר אזוי דערגאנגען, אז זיא האָט זיך גאָר געוואָלט דאָס לעבען נעהמען. זיא איז אזוי געשטאַנען ביי זיך אין אלקער פערזונקען אין טרויעריגע געדאַנקען און האָט גאָר ניט געהערט, וויא אימיצער איז אריינגע־גאנגען אין שטוב. פלוצלונג האָט זיא אימיצער פון הינטען א כאפּ געטהאָן פארן קאָפּ, מיט דיא הענד איהר פערשטעלט די אויגען און אָנגעהוי־בען זיא שטארק קושען. זיא האָט טאקע ניט גע־וואוסט ווער עס קושט איהר, נאָר עפּעס א פייער האָט זיך אין איהר אָנגעצונדען, עפּעס דיא קו־שען האָבען זיא אזוי אנגענעהם געבריהט. ס'איז איהר געוואָרען אזוי גוט, אזוי זיס, אז איהר האָט זיך געדאַכט אז דאָס זיינען דיא קושען, אויף וועלכע זיא ווארט שוין לאנג — זיא האָט זיך גאָר ניט געוואונדערט וואָס זיא ווייסט ניט ווער? וואָס? און אין מיטען דערינען . . .

זיא האָט געוואָלט ארומכאַפּען דיא בריהע־דיגע הענד, וועלכע האָבען איהר פערשטעלט דיא אויגען, זיי בייסען. נאָר זיא האָט דאָס נישט געטהאָן.

זיא האָט זיך אויסגעדרייט פון זיינע הענד. זיא האָט אייגענטליך געוואָלט אזוי לאנג, לאנג זיין געפּרעסט אונטער דיא פלאַמענדע הענד, וואָס האָבען זיא אזוי צארט געצוואנגען נאָר ער אליין האָט זיא אָבגעלאָזט און איהר גע־זאָגט: נו, פראַדעלע, איהר קענט מיט מיר טאָהן אצינד וואָס איהר ווילט, איך בין ניט שולדיג, איך האָב דאָס נישט געטהאָן, דאָס האָט אימי־צער אנדערש געטהאָן: דיא הייסע, דיא זודיגע ליעבע, וואָס קאָכט אין מיר צייט מיר קענען זיך, האָט אצינד אָנגעהויבען אריבערזידען. עס איז שוין אריבערגעגאנגען דיא מאָס. איך בין ניט שולדיג . . .

זיא האָט גאָר ניט פערשטאַנען צו וואָס ער פערענטפערט זיך; ער האָט דאָך געדארפט אזוי טהאָן... נאָר באלד האָט זיא זיך שטארק פער־שעהמט, א קוק געטהאָן אויף איהם און א היי־סער שטראָם טרעהרען האָט א רעגען געטהאָן פון איהרע אויגען.

ער איז צו איהר צוגעלאָפען, האָט זיא ארומגענומען, זיא שטארק געדריקט צו זיך און גערעדט שטילערהייד — נאָר איך איינער, פראַדעלע, פערשטעה אייך און פיהל אייער הארץ. וואָס זאָל איך טהאָן, אז ס'זאָל אייך זיין בעסער, אז איהר זאָלט ניט וויינען? זאָגט, זאָגט! אליץ אין דער וועלט וועט זיין פאר מיר גרינג, אייך צו דערלאַנגען. עפּעס זיין קול איז דאמאלס געוועזן אזוי צארט, אזוי זיס, מיט אזוי פיעל ליעבע. עס האָט זיך געגאָסען פון זיין מויל גלייך צו איהר אין הארצען און האָט זיא אָנ־געהויבען פאר'שכור'ן, פער'כשוף'ן. זיא האָט אין זיך איינגעאטהעמט זיינע רייד, זיין שטימע, זיינע בעוועגונגען. זיא האָט געוואָלט איינשלאָ־פען און שלאָפען אזוי לאנג... לאנג... אפילו אייביג, אבי ער זאָל אזוי רעדען. זיין שטימע האָט איהר אָנגעהויבען פארוויעגען, זיא איז געוואָרען שלעפעריג און האָט איהם האָט שטיל גע־ענטפערט: — טהוט פאר מיר וואָס איהר ווילט, טהוט מיט מיר וואָס איהר ווילט, איך בין אייע־רע אין גאנצען. אָי, שלמה, שלמה! איך האָב אייך שוין לאנג ליעב, נאָר איך האָב אין זיך דיא ליעבע דערשטיקט, ווייל איהר ווייסט דאָך

— — — — — — — — — — — — — — —

און פון יענעם פריהמאָרגען האָט ער אָנגע־הויבען צו קומען אלע טאָג אין איין צייט.

דיא ערשטע צייטען פלעגט זיא זיך שעה־מען. נאָכדעם איז זיא צוגעוויינט געוואָרען. זיא האָט זיך שוין ניט געשעהמט. זיא פלעגט איהם נאָך אפילו מאכען פאָרווירפע, ווען ער פלעגט איין טאָג פערפעהלען.

אזוי איז געגאַנגען חדשים, און חדשים, שוין באלד צוויי יאָהר.

אצינד איז ער, דאכט זיך, געוואָרען אַן אנדער שלמה, אזוי וויא א פארביטעניש, ער רעדט שוין מיט איהר ווייניגער און אפילו ווען ער רעדט איז זיין קול, דאכט זיך, טרוקען, אלט־געבאַקען, עפּעס אָהן אמאָליגער פרישקייט.

זיא האָט זיך זעהר דערשראָקען דערפון, וואָס איהר דאכט זיך, אז שלמה איז געוואָרען קעלטער, זיא האָט אָנגעהויבען דאָס אָבלייקע־נען, — עס קען ניט זיין, עס דוכט זיך איהר אויס. און כדי צו פערטרייבען דיא געדאנקען, וועלכע שרעקען זיא זעהר האָט זיא זיך אוועק־געלייגט אין בעט, אריבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ, צוגעמאכט דיא אויגען און זיך נאָך עפּעס אָנגעהויבען צו דערמאָנען פון דער ערשטער צייט.

* * *

שלמה ווארט שוין הינטער יענער זייט פאר־קאן א גאנצע שטונדע. ער וואָלט אריינגעהן — ווייס ער ניט, צו מלך איז שוין אוועק? ער קען אפילו אזוי אויך אריינגעהן, נור צו וואָס זאָל ער דאָס טהאָן? ס'איז דאָך פּאַרט פאַרדעכ־טיג. אויפ'ן שטייגער איז דאָך פּאַרט א פראגע —נאָך וואָס געהט ער אהין אזוי פריה?

דערזעהענדיג דעם שוואָגער אוועקגעהן,

לאזט זיך שלמה געהן גלייך צו פראדלען אין
שטוב. ער איז צוגעגאנגען און א קליינעם קלאפ
געטהאן אין פענסטער מיט'ן פינגער. פראדעל
האט א פרעג געטהאן:

„ווער איז?" נאר נאך איידער זיא האט
געהערט אן ענטפער, איז זיא שוין געווען אין קיך
און געעפענט דיא טיהר.

מיט א ליעבען שמייכעל האבען זיי זיך
באגעגענט. ער האט זיא ארומגענומען ארום טא־
ליע און פעסט צוגעדריקט איהר שטארק־געבוי־
טען קערפער צו זיך. זיא האט זיך צערטליך צו
איהם צוגערוקט און, קוקענדיג איהם אין דיא
אויגען, האט זיא אנגעהויבען דערצעהלען, וואס
פאר א פריהמארגען זיא האט היינט געהאט פון
איהר מאן; וויא ער מאטערט איהר צום טוידט.
נאר זאלען זיי טהאן זייערס און מיר וועלען טהאן
אונזערס — האט זיא פארענדיגט — און איז
רויט געווארען, פארשעהמענדיג זיך פאר איהרע
אייגענע רייד.

„שלמה, זאגט דעם אמת, — האט זיא, וויא
ניט־ווילענדיג אנגעהויבען ריידען — איהר האט
מיך אויך אזוי ליעב, וויא איך אייך?"

— איך האב אייך שוין צעהן מאל געבע־
טען, אז ווען קיינער איז ניט דא, זאלען מיר זיך
ניט איהר־צען...

— איך קען ניט, שלמה. איך קען ניט, אויף
מיין ווארט! ווייסט איהר וואס, שלמה, איהר
זאגט מיר — דוא, און איך וועל אייך זאגען —
איהר.

— א קלוגע! — האט ער געענטפערט, און
אנגעהויבען זיא שטארקער דריקען צו זיך.

— אי, איהר וועט מיך דערשטיקען! האט
זיא שטיל געזאגט.

— א דאגה מיר — האט ער געשמייכעלט.

— הערט, שלמה, איך וויל מיט אייך רע־
דען עפעס א וויכטיגע זאך: שרה האט מיר דער־
צעהלט, אז איהר זייט ווידער משוגע. וואס
האט איהר צו איהר? אט פאר צוויי וואכען, אז
איך בין געווען ביי אייך, איז צווישען אייך אויך
פארגעקומען א קריעג. אפשר בין איך אין דעם
שולדיג? מיר האבען דאך אבגערעדט עפעס, אז
נישט מלך און נישט שרה זאלען ליידען...
פאר וואס קענט איהר ניט טהאן אזוי וויא איך?
אט בין איך איצט צו מלך'ן נאך הונדערט
מאל בעסער, וויא פריהער. שלמה, אויב איהר
ווילט, אז איך זאל זיין רוהיג, — זייט צו איהר
גוט, טהוט דאס צוליעב מיר, איך ווייס, אז איהר
האט אליין נאכדעם אויף חרטה, אז עס רייסט
אייך דאס הארץ.

— פראדעל, לאמיר לאזען דיא רייד אויף
שפעטער.

— ניין, איך וויל אז איהר זאלט מיר גע־
בען א ווארט.

— איך גיב אייך, — האט ער מיט א שמיי־
כעל געענטפערט.

זיי זיינען אריין אין שלאף־צימער און זיי־
ער געשפרעך איז געווארען נאך נעהענטער. זיא
האט איהם דערצעהלט, אז נעכטען איז דא שרה
געווען מיט דיא קינדער, וויא אזוי זיי האבען
זיך געשפיעלט און אז מעהר פון אלעמען האבען
זיי געקושט דאס קליין מיידעלע, חיה'לען, און
האבען נאר געוואלט, אז מען זאל דאס געבען זיי
אויף דיא הענד.

— סא' סברה, אז זיי פיהלען, אז ס'איז
א שוועסטער'ל? — האט זיא איהם געפרעגט,
און דערביי מילד געזוכט אן ענטפער אין זיינע
אויגען.

— געוויס ווייסען זיי! — האט ער איראָ־
ניש געשמייכעלט.

זיא האט איהם מעהר גאר נישט געפרעגט.
קיין ווערטער האבען זיך ביי איהר ניט געפונען.
עטליכע מינוטען זיינען זיי געשטאנען שווייגענ־
דיג. נור דיא שטילקייט האט זיי ביידען אנגע־
הויבען דריקען און זיא האט ווידער אנגעהויבען.

— שלמה!

— נו?

— איך וויל אייך עפעס פרעגען, נאר איהר
זאלט מיר זאגען דעם ריינעם אמת.

— וואס, פראדעל?

זיא האט איבערגעטראטען פון איין ארט
אויפ'ן צווייטען. ענדליך האט זיא ביי זיך גע־
פועל'ט און האט שטאמלענדיג געפרעגט:

— פאר וואס זעה איך ניט, אז איהר זאלט
אזוי קושען חיה'לען, וויא איהר קושט יענע קינ־
דער, ס'איז דאך אויך....

— רעדט נישט קיין נאררישקייט, פראדעל.

— ס'איז נאררישקייט? — האט זי האלב
באליידיגט איבערגעפרעגט.

— געוויס, הערט בעסער, וואס איך זאג
אייך.

— אט דאס, וואס איהר זאגט, איז א
חכמה! א יא, שלמה, א חכמה. טא לאזט־זשע
טאקע איבער אייערע חכמות אויף אנ'אנדערס
מאל.

— פראדעל, ערקלעהרט מיר, וואס איז דאס,
וואס תמיד דארף מען מיט אייך פריהער איינ־
טענה'ען זיעבען יאהר?

— שלמה, איך זאג אייך, מאכט זיך ניט
נארריש. זעהט, פאר וואס איז ביי מיר א פערגני־
גען, זיטצען מיט אייך אט אזוי, און פערבריינ־
גען, און איהר?....

— פראדעלע, לאזט דיא רייד אויף שפעטער.

— זאָגט מיר נישט קיין „פּראַדעלע“, עס וועט אייך גאָר ניט העלפען.

— אָי, זייט איהר געוואָרען אַ שלעכטע! אָי, אָי, אָי!...

— מען קען צו אייך זיין אַ גוטע. איהר פאַרדיענט דאָך מסתמא, איאָ?

דאָס ברוסט קינד האָט זיך צו־וויינט. פּראַדעל האָט דאָס גענומען צו זיך, צו געבען דעם זייגען.

„אַזאַ פּרעסער וויא דער טאַטע. דער רייסט פּאַסען פון איין זייט — און דער, פון דער אַנדערער. נאַ, פרעס! — האָט זיא זיך געבייזערט און אין איהר קול האָט געקלונגען אַן אומעט, אַן אויפגערעגטקייט. זיא פיהלט זיך שטאַרק באַליידיגט, פאַר וואָס ער הערט זיא קיינמאָל ניט אויס, ווען זיא רעדט צו איהם עפּעס ערנסטעס.

שלמה איז צוגעגאַנגען צו איהר, האָט זיא אַרומגענומען מיט'ן קינד און פּראַדלען אַ שטאַרקען בּים געטהאָן. זיא איז בייז געוואָרען, איהר האָט זיך געדאַכט, אַז ער טהוט עס מיט אַ כיוון, עס זאָל איהר וועהטהאָן.

—אייער ווייב וואָלט איהר דאָס ניט געטהאָן, — האָט זיא איהם אַ זאָג געטהאָן, אויסרייסענדיג זיך פון זיינע הענט.

ער האָט זיך שטאַרק פערשעהמט, אַזוי, אַז זיין פּנים האָט יעדער רגע געביטען דיא פאַרבען, און זיינע אויגען האָט ער גאָר קיין אָרט ניט געפונען. זיא אַליין האָט שוין אויך חרטה, וואַרום זיא האָט איהם אַזוי בעליידיגט און וואָלט זעהר וועלען מיט עפּעס איהם איבערבעטען. עס רייסט איהר זעהר אויף איהם דאָס האַרץ.

— נאָך מעהר אונגליקליך ווערען, אַז דיא גאַנצע וועלט זאָל טייטלען מיט דיא פינגער; נאָך קאַרג, וואָס יעדער רעדט אַזוי, — האָט זיא קוים אַרויסגערעדט און זיך צואווויינט.

שלמה איז געבליעבען שטעהן אַ שולדיגער, אַ דערשלאָגענער, און האָט ניט געוואוסט מיט וואָס ער זאָל זיא בערוהיגען. ער איז צוגעגאַנגען צו איהר, נאָר ניט געוואַגט איהר עפּעס זאָגען, מיט אַ פינגער האָט ער אָנגעהויבען שרייבען אויף'ן וואַנט און געקוקט אָהן געדאַנקען, וויא דיא זון טאַנצט ביי פּראַדלען אויף'ן פּלייצע, ביי יעדער איהר ציטער פון געוויין טהוט זיא אַ טאַנץ אויף איהרע אַקסלען. ער האָט זיך צוגעהערט צו איהר כליפּען און איז געשטאַנען וויא אַ תם. און דיא זון, זיא טאַנצט און שפּרינגט אַזוי שטיפעריש פון איין זאַך אויף דער צווייטער. אָט שפּיעלט זיא זיך מיט איהרע צובראָכענע קעמלאַך אין דיא האָאר, אָט וואַרפט זיא זיך אַרויף אויף דיא קינדערשע, נאַקעטע פיס, אָדער ווען דער ווינט פאַרהייבט דיא פאָרהיינגלאַך פון דיא פענסטער, כאַפּט זיא זיך אַריין און ציהט זיך אויס איבער דער גאַנצער שטוב. אָט כאַפּט זיא אַרום ביי'ם האַלז דאָס קעצעלע און קוסט דאָס, באַלד לויפט זיא צוריק צו פּראַדלען און שפּיעלט זיך מיט דער ברוסט, וואָס דאָס קינד האַלט אין מויל.

„טייער קינד מיינס! מיר זאָל זיין פאַר דיינע ביינער, וואָס הוסטו, דו האָסט זיך פאַרקיהלט? איך זאָל בעסער פאַר דיר הוסטען, לעב מיין קינד, לעב! דו ביסט ביי מיר נישט איבעריג, דו ביסט מיין גאַנצער טרויסט. ביסט אפשר אימיצען אַנדערש איבריג, אָבער נישט מיר.“

דיא רייד האָבען שלמה'ן אויפגעוועקט. ער האָט פערשטאַנען, אַז מען מיינט איהם, און אַז ער דאַרף עפּעס ענטפערן, כדי צו איבערבעטען פּראַדלען.

— זאָג, חיה'לע, דיין מאַמען, אַז זיא איז אַ גרויסער נאַרר, און אַז דוא ווערסט זיין קלוגער פון איהר, און פון אַלע איהרע קינדער — האָט שלמה געזאָגט מיט אַ שמייכעל, צוגעהענדיג צו פּראַדלען. ער האָט זיא אָנגענומען פאַר'ן האַנט און אָפּגעפיהרט פון פענסטער, שטיל אָהן ווערטער.

דיא אויגען האָבען זיך ביי איהר אַראָפּגעלאָזען, און נעבען זיי האָבען זיך בעוויעזען צאַרטרויטע פלעקען, וועלכע האָבען זיך צוגאָסען אַלץ ברייטער און ברייטער איבער איהרע ווייסע באַקען. אָבער זיא האָט ניט פּראָטעסטירט, און איז איהם נאָכגעגאַנגען, וויא האַלב פער'חלום'ט.

ער האָט ביי איהר אַרויסגענומען דאָס קינד פון האַנט, אַריינגעלייגט דאָס אין וויעגעלע און געגעבען דעם אַ רייפעלע, אַז ס'זאָל זיך שפּיעלען. פּראַדלען האָט ער אַ כאַפּ געטהאָן אויף די הענט, זיא אַרומגענומען און שטאַרק אָנגעהויבען דריקען צו זיך.

זיא האָט האַסטיג אַרומגעפלאָכטען איהרע הענט אַרום זיין האַלז, און זיין פּנים, זיין קאָפּ, באַשאָטען מיט הייסע, מיט פייערדיגע קושען.

— אָי, שלמה, שלמה! וואָס האָט איהר צו מיר? — האָט זיא שטיל געשעפּצעט. —פאַר וואָס צאַפּט איהר מיר מיין בלוט, פאַר וואָס? איך בין שוין אַזוי אויך גענוג אונגליקליך. און זיא האָט זיך שטאַרק צוכליפּעט, אַריינגראָבענדיג איהר פּנים אין זיין ברוסט.

און זיא איז אוועק...

פון הערמאַן הייערמאַנס.

דונקעל גרוי איז דיא לופט, פייכט, מוטנע.

פון כמאַרנעם הימעל פאַלען גלייכגילטיג קאַלטע, נודנע טראָפּענס רעגען.

ווייט, ווייט ציהט זיך אַ פעלד, שטיל, טרויעריג, טרייסטלאָז.

גרויסע בוידען, רויטע, געלבע, בלויע, שוועררע, פערשמירטע, זינקען אין בלאָטע. פון דיא קוימענס ציהען זיך דינע זיילען רויך, בלויליכע, דונקעל גרויע. דער פייכטער ווינד יאָגט זיי פאַנאַנדער, שפּיעלט זיך מיט זיי, טרייבט זיי צוזאַמען אין דיקע וואָלקענס.

פאַר דיא בויד ציהט זיך אַ וועג, אַ שווארצער, אַ גליטשיגער מיט פאַרזונקענע וואָרצלען פון אָבגעשניטענע קרויט און אנדערע געוויקסען. לינקס — אַן אַלטע, צופוילטע סטאַדאַלע, אַרומגעריסענע, אָבגעלאָזענע מיט מאָך פערוואקסענע, הינטער דעם ליגען אויך וויסטע, פאַרבלאָזע, פליכיגע פעלדער, וויא מיט אַ רויך פאַרצויגען.

עלענד שטעהן דיא נאַקעטע בוימלעך, מיט מאָגערע אויסגעדאַרטע צווייגלעך, טויט, אָהן בלעטער.

רעכטס — אַ גראבען מיט שמוציגע וואַסער, גריבער אָבגעלאָשענע קאַלך, ציגעל, קופּעס שטיינער, סטאָסעס ברעטער, נייע קלעצער פאַר דיא נייע אָנגעפאַנגענע געביידעס.

הינטער דעם — ווייסע, נייע הייזער; רויטע מויערען מיט רונדע בעפוצונג. קליינע שעהנע באַלקאָנעס, רויט־געפאַרבטע, געלבע, און הויכע פערונדעטע פענסטער, — פאַר דיא רייכע בירגער...

— דאָרטען וואָהן איך — זאָגט דער מאַהלער צו דיא מיידעל און ווייזט מיטן פינגער אויף דיא נייע, שעהנע הייזער. ער וואַרפט אויף אַ שמייכעלדיגען בליק.

— ניין, — שטאַמעלט זיא אַרויס.

לאַנגזאַם מאַהלט ער ווייטער אין בויד.

שוין דריי טעג וויא ער קומט דאָ. דיא אַלטע טויבע מוטער דיענט איהם אַלס אַ מאָדעל פאַר זיין בילד, פאַר 50 סענט אַמאָהל. דיא טאָכטער זיצט דערביי.

— ווען דו וואָלסט היינט אַבענד צו מיר קומען... טרעפסט דו גראַדע מיר אין דער היים....

— ניין, איך וועל ניט קומען . . .

— האַ האַ האַ! . . . דו מוזט אָבער וויסען, אַז דו ביזט אַ שעהן מיידעל... זעהר אַ שעהנע... דאָ פערדיענסט דו קיין איינציגען סענט ניט... קום היינט אבענד, איך וועל דיר מאָהלען, ווילסט דו ?

— ניין . . . ניין ! . . .

— איך וועל דיר קיין שלעכטס ניט טהאָן....

—איך וועל ניט קומען . . .

—נו, גוט, גוט... זאָל זיין ניט.. אָהן מוטה אַרבייט ער ווייטער.

זיא זיצט אין עק וואָגען שטיל, דעם קאָפּ צווישען איהרע הענד איינגעשפּאַרט. איבער'ן קאָפּ פון איהר שלאָפיגע מוטער קוקט זיא נאָך דיא בעוועגונגען פון פענזיל. אָבער זיא זעהט נור זיינע ווייסע הענד מיט'ן דימענט רינג און זיין קרעפטיגען ברייטען רוקען.

פאַר זיין אַוועקגעהן נעהמט ער איהר אָן פעסט פאַרן האַנד.

קום דאָך היינט אַבענד . . .

— ניין . . .

ער וויל איהר אַ קוש טהאָן.

— טרעט אָב פון מיר !

דיא טהיר פון בויד מאכט זיך צו. מיט איהר טויבע, שלאָפיגע מוטער בלייבט זיא ווידער אַליין. זיא איז וויא אין חלום. אַ שווערער געמיטה פאַלט אויף איהר אַרויף, איהרע אויגען ווערען פייכט, פאַרצויגען מיט אַן אומעט. זיא אַליין ווייס ניט פאַרוואָס. זיא אַליין וואָלט דאָס ניט געקענט ערקלעהרען. אַ געפיהל פון מיטלייד, ביינקעניש, בעפאַלט איהר. זיא קריגט מיטלייד מיט זיך אַליין.

אין בויד ווערט דונקעלער און קיהלער. דיא מוטער שלאָפט נאָך. דורך דיא צוויי קליינע פענסטערלעך פאַלט אויף איהר אַ מאַטער שיין.

זיא הויבט זיך אויף פון אָרט, געהט אַרויס אַ פער'חלום'טע זיך אָפּשפּאַרענדיג אָן דיא וועגד פון בויד.

שמוציגע קינדער, אין לומפּיגע, צופּיצעלטע בגדים'לעך, שפּיעלען זיך אין זומפּ. זיי יאָגען זיך, ליאַרמען, קריכען אונטערן בויד איינער

אויפן צווייטען, וויא מייז אין נארע, דערביי זי־צען צוויי ארעמע, אבגעריסענע מענער און פלעכטען שטוהלען. מיט געבויגענע קעפ ארביי־טען זיי — ס'איז בעסער צו זעהען אין א דונקע־לען אבענד. זייערע הענד בעוועגען זיך שנעל, זיי ארבייטען פלינק. דאס זיינען ארעמע ארביי־טער, הונגער־ליידער. עטוואס ווייטער, ביי א שטרויענע ביידעל זיצט אן אלטע, עקעלהאפטע גאסען־פרוי, איינגעטוליעט אין לומפען. איהר געזיכט איז ברוין, מיט טיפע קנייטשען, — אן אונריינע געזיכט. זיא דערזעהט דיא מיידעל פון וויטען — און טהוט איהר א פרעג:

— אייער פיינער העררי איז שוין אוועקגע־גאנגען? . . .

— האסט דאך אליין געזעהען.

—דאס זיינען פיינע העררן! . . . אין דער יוגענד האב איך אויך אזעלכע געקענט... האט ער דיר געמאהלט, זאג?

— ניין... דיא מוטער . . .

— דאס גלויב איך ניט... איך וויים דאס פון פריהער... דערצעהל מיר ניט... מוזט זיך דאך אבער שעהמען, ביי טאג... דו ביזט א חצופה...

— לאז מיר צו רוה!

— א פערזעהענים ביזט דו... יא, דאס ביזט דו! . . .

הוסטענדיג און קרעכצענדיג געהט דיא אל־טע לומפען־פיגור אריין אין ביידעל.

דיא ביידע שטוהל־פלעכטער ארבייטען פלייסיג, מיט איינגעבויגענע קעפ. פון א באלא־גאן טראגט זיך א געשריי פון א זייגעדיגען קינד.

דיא נאכט פערשפרייט אויפ'ן פעלד א די־קען חשך. דיא בוידען זעהן זיך ניט מעהר, נור פון זייערע פענסטערלעך ווינקען פייערלעך, ראנגלען זיך מיט דיא פינסטערנים.

עס פאלט א קאלטער, פוילער רעגען. אי־בערן גליטשיגען וועג געהט א קרעפטיגער יונ־גער מאן מיט א פאק אויפן פלייצע, ער קומט אלץ נעהענטער און נעהענטער.

— דו ביסט דא?

— וואס שטעהסט דו עפעס דא?

— איך ווארט אויף דיר . . .

— האסט דו היינט עפעס פערדיענט?... זאג!

—גאר ניט . . .

דער יונגער מאן שילט איהר מיט טויטע קללות. ער ווארפט אראב פון אקסעל דעם פאק און פארמעסט זיך איהר צו שלאגען. ער בע־הערשט זיך אבער.

— פוילע חיה! איך דארף פאר דיר זאר־גען?... מאדאם!... פוילע מאדאם־... איך פער־ליער מיינע פיס ארומלויפענדיג... דו ווייסט נור צו פרעסען... מעהר אבער וועט דאס ניט זיין... אויס... מיר שטעהט שוין דאס אין האלז... פוילע בעשעפענים־...

מיט כעס פערקלאפט ער דיא טהיר הינ־טער זיך.

דיא מיידעל בלייבט שטעהן אליין שטיל, אליין אין דיא שווארצע רעגענדיגע נאכט. זיא קוקט אויף דיא ארומיגע בעלויכטענע הייזער; אויף דעם רויטען מויער מיט דיא באלקאנעס, און דיא הויכע פענסטער מיט דיא רויטע גארדי־נען, דורך וועלכע עס גיסט זיך ארויס א ראזער מאטער שיין. זיא טראכט וועגען דיא ווייסע הענד מיט'ן רינג, דער דימענט רינג... און געהט זיך לאנגזאם אוועק.

אין דער לעצטער בויד איז ליכטיג, דיא טיהר אפען. פאר א קליינעם לעמפעל ארבייט א מאן — א שטייגען מאכער.

— וואהין געהסט דו אזוי שפעט?

— איך געה אוועק . . .

— דו געהסט אוועק? . . .

— יא, מיר האט שוין דערעסען...

— דו ביזט משוגע!

— דו וועסט מיר מוסר'ן?

— מיידעל . . . דו ביזט נאך צו יונג!... בעדיינק זיך, איידער דו טהוסט!...

— דו וועסט אויסזאגען אויף מיר?

— וואהין געהסט דו?

— דאס איז מיר צו וויסען... קיינעם דארף דאס ניט אארען . . .

— אבער פאלג דאך מיר . . .

— אדיע... איך האב שוין גענוג געליטען, מיר האט שוין דערעסען...

פריי איבערזעצט פון דאן־לאזאר.

טענעמענט הויזקראנקהייט.

עם איז פאראנען א קראנקהייט וואס מי רופט עס אסטעא־מאלאשיא (ווייכונג פון דיא ביינער), עס קומט פאר אין ערוואקסענע מענשען, גע־וויינליך, אין ארעמע שוואנ־גערע פרויען. דיא ביינער ווע־רען צודרייט און צוקורטשעט; א שוואנגערע פרוי קען איהר קינד געוועהנליך ניט האבען אן א שרעקליכע אפעראציע; מי ווערט פון דער קראנקהייט זעלטען געזונט, מי בלייבט פאר־קריפעלט אויפ'ן גאנצען לעבען, אדער מי פאר־לירט דאס לעבען אין גאנצען; דיא קראנקהייט קומט געוויינליך פאר צווישען דיא ארימע קלא־סען; אבער אזוי וויא דיא קראנקהייט גופא, איז נאך גאנץ זעלטען דא אין אמעריקא, זיינען מיר ניט מחויב זיך פיעל צו פארטיעפען אין דעם ענין.

כאלערא אינפאנטום.

„א חאלעריא פון עופה'לעך" „זאממער־קאמפליין" „„זוממער כאלערע"; דאס איז א קראנקהייט אויף וועלכע דיא טענעמענט־הויז־איינוואהנער קענען ארוים נעמען א פעטענט, עס בעלאנגט נור צו זיי; אין בעל הבתישע היי־זער ווייסט מען פון דער קראנקהייט זייער, זייער זעלטען.

דאס איז א קראנקהייט וואס גרייפט גע־וויינליך אן עופה'לעך אין עלטער פון 3 מאנאט ביז 3 יאהר, אין דיא הייסעסטע מאנאטען פון יאהר; אין נויארק דערגרייכט דיא קראנקהייט איהר העכסטע שטופע אין דזשולי און אגוסט. וואס מי רופט דא, אין דיא „הינטישע טעג" (דאג'ס דעים).

עס לוידען דערפון מעהר קינדער אין דיא ערשטע 3 מאנאט פון זייער לעבען, קינדער ביי'ן אנטוויינען, און איבערהויפט קינדער וואס מי קארמעט „מיט'ן באטעל", ד. ה. וועלכע האבען ניט זייערע נאטירליכע ברוסט־מילך, און מוזען דורכקומען מיט דיא פארשיעדענע קונציגע מיל־כען פון אפטייק און לאבאראטאריע.

אז דיא לופט, איז אין טענעמענט הויז, אין זייער א קלעגליכען צושטאנד אפילו א גאנץ יאהר אויך, האבען מיר געזעהען פריהער; אין דיא שרעקליכע היטצען, ווערט דיא לופט שטי־קענד, טיילען פון טויטע חיות, און טויטע פרוכט פוילען געוואלדיג שנעלל אין טענעמענט־הויז, און פילען אן דיא לופט מיט א שרעקליכען אוויר און מיט פוילנים: אין טענעמענט הויז קומט דיא ליכט פון דיא זון ניט ארייז, די היץ אבער קומט אהיין איבעראלל; דיא מיקראסקאפי־שע חיה'לעך, וועלכע זיינען ניט צו פארזינדיגען אזוי אויך דא גענוג אין דער איינגער, דושנער טענעמנט, פארמעהרען זיך מיט געוואלדיגער שנעללקייט; דיא היץ שוואכט יעדען אפ; גע־זונדע, שטארקע מענשען ווארפען זיך אין דיא היץ און איינגקייט וויא אן ארעסטאנט אין גע־פענגנים, און שטיקען זיך אין דעם גערוך פון דיא צופוילטע שוויים פון אייגענעם קערפער.

פאר די אונענטוויקעלטע עופה'לעך איז עס אבער צופיעל. דאס נפש'ל ראנגעלט זיך, אבער דער געשטאנק איז גובר און דאס קינד קריעגט דיא „זוממער כאלערע".

פלוצלונג פאנגט דאס קינד אן צו ברעכען, אבווייכען און פערליערען דיא כוחות.

דיא געשיכטע איז א קורצע: זיי שטארבען געוועהנליך אוועק אין א פאר שעה, אדער א פאר טעג. אויב עס האלט אויס אן אכטאג און

קיין אַנדער קראַנקהייט איז ניט צוגעפאַלען— ווערט דאָס קינד געזונד.

דיא אורזאַכען פון „זוממער קאָמפּליין" זייזנען: שלעכטע, איבערהויפּט קינסטליכע שפּייז; גרויסע היץ; איינגקייט; פערשטיקטע לופט! דאָס אַנטוויקלונג צו פריה און קינדהייט. (ערוואַקסענע מענשען קריעגען עס זעהר, זעהר זעלטען).

איהר זעהט דערפון, אַז נאָך מעהר וויא „ריקעטס" איז „זוממער־קאָמפּליין" אַ טענעמענט הויז קראַנקהייט, און ווערט עקזיסטירען און דער'הרג'ענען יעדען יאָהר טויזענדער קינדערלעך אין יעדען אַרבייטער־דיסטריקט, זאָלאַנג וויא אַרבייטער וועלען וואָהנען אין טענעמענט הייזער.

וויא דאָס קינד קריעגט זוממער־קאָמפּליין איז דאָס בעסטע מיטעל אַרויסצופאָהרען אויף'ן לאַנד, אָדער אויף דיא הויכע בערג, אָדער פאָהרען אויף'ן ים; דיא, וואָס קענען עס ניט אויספיהרען, זאָלען זיין מיט'ן קינד וויפיעל נאָר מעגליך אין פּאַרק, לעבען וואַסער, אויף'ן דאַך, אָדער איבערהויפּט אין קיהלסטען, לופטיגסטען פּלאַץ, וואָס מען קען קריעגען.

טובערקולאָזיס.

טובערקולאָזיס, אויסצעהרונג, קאָנסאָמפּשאָן, דידער, טשאַכאָטקא, דאָס זיינען נעמען פון אַ קראַנקהייט, וועלכע שפּיעלט זעהר אַ וויכטיגע ראָלע אין דער גאַנצער וועלט.

צי איך מעג דאָס רעכענען פאַר אַ טענעמענט־הויז קראַנקהייט צי ניט, ווערט דער לעזער אַליין אורטהיילען ווען ער וועט זיין אַזוי גוט, און אַזוי פריינדליך און דורכלעזען מיינע אַנמערקונגען וועגען דיעזער קראַנקהייט.

טובערקולאָזיס איז אַ וויכטיגער אַנגעלעגענהייט; פיעל וויכטיגער וויא דיא גאַנץ גרויסע מאַיאָריטעט מענשען שטעלען זיך עס פאָר.

אין שטאָדט ניו־יאָרק איז דאָ אַ געזעץ, אַז מען טאָר ניט שפּייען אין דיא קאַרס אויף'ן פלאָאָר, און אַז דיא קאַרס מוזען האָבען ספּיטונען כדי דער עולם זאָל האָבען אין וואָס צו שפּייען; נון, איז אָבער אויף צו להכעיס ניטאָ אין ניו־יאָרק איין קאַר, וואָס זאָל האָבען אַזעלכע ספּיטונען, און געהיימע פּאָליסלייטע געהען פון צייט צו צייט און אַרעסטירען מענשען פאַר וואָס זיי שפּייען אין קאַר; אַי, אין קאַר איז דאָך קיין ספּיטונען ניטאָ? איז גאָר ניט. און דער עולם קוקט זיך צו צו דיעזער ניעדריגער היפּאָקריטסטוואָ און שווייגט! וואָס זשע מיינט עס? עס מיינט, אַז דעם עולם געהט דער גאַנצער עסק אָן וויא אַ נעכטיגער טאָג; עפּעס וויא קאָמעדיע איז עס ביין פּאָלק אין דיא אויגען, און ער קוקט זיך צו וויא אַ תם, קוועטשט מיט דיא פּלייצעס, און אַז ער וויל אויסשפּייען קוקט ער זיך פריהער אַרום צי מען זעהט ניט, און שפּייט דוקא אויף'ן פלאָאָר.

סאָציאַליסטען זיינען אינטעליגענטע מענשען; זיי האָבען האָלט דאָס פּאָלק; דאָס „לומפּען פּראָלעטאַריאַט" רעספּעקטירען זיי ניט, אָבער דאָך ווייסען זיי זיין אונגליק און עלענד, און וואָלטען אודאי טהאָן אַלעס וואָס עס איז אין זייערע כוחות צו מאַכען דאָס זיין לעבען זאָל זיין ווייניגער ביטער; און דאָך האָבען זיי אין זייערע „איממידיאייט דעמענדס" קיין איין „טובערקולאָזיס פאָדערונג", וועלכע זאָל בעווייזען, אַז דיא סאָציאַליסטען האָבען געשטודירט דיא פראַגע פון „אויסצעהרונג" מיט זייער געוועהנליכער לאָגיק און אינטעליגענץ! וואָס בעווייזט עס? אַז אַפילו דיא סאָציאַליסטען האָבען ניט פערשטאַנען, אַז אַ חוץ דיא פראַגע פון דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן גופא, איז ניטאָ קיין אַנדער פראַגע, וועלכע איז וויכטיגער וויא דיא פראַגע פון אויסצעהרונג!

סאָציאַליסטישע רעדנער און שרייבער וועלען פערברייגען פיעלע שטונדען זיך פּילפּולענדיג איבער וואַרען און אויסטויש; שווימענדיג פריי און לייכט איבער דיא ימים פון קאַמפּף אומס דאַזיין, עוואָלוציאָנס טהעאָריע א. ז. וו., וועלכע זיינען זיך גאַנץ וויכטיגקע פראַגען; וויא פיעל פון זיי ווייסען אָבער ניט, אַז עס איז ניטאָ קיין איין אַרבייטער־פאַמיליע וואו עס איז ניטאָ כאָטש איין קראַנקער אָדער געשטאָרבענער פון אויסצעהרונג?

וואָס בעווייזט עס? אַז אַפילו דיא סאָציאַליסטישע וואָרט פיהרער בעגרייפען ניט, אַז אויסצעהרונג איז ניט אַ צופאַל, אָדער אַ זעלטענער אונגליק, נור אַ געפעהרליכע עפּידעמיע, וועלכע האַלט שטענדיג אין איין אויסקוילענען דיא מענער, פרויען און קינדער פון דיא טענעמענט הייזער.

אָבער איז עס אַזוי טאַקע אין דער אמת'ן? אין בערלין, רוים און פּאַריז האָט מען געמאַכט אַזעלכע פּראָבעס.

מען האָט גענומען דיא דער'הרג'עטע מענשען, דיא יעניגע, וואָס שטאַרבען אין גרויסע שטעדט דורך אַן אונגליק; דורך אַ שרפה, אַן אייזענבאַהן אונגליק, מאָרד אָדער זעלבסטמאָרד, על כל פנים מענשען, וואָס שטאַרבען ניט פון אַ קראַנקהייט אין בעט וויא דער סדר איז; און אַזעלכע גע'הרג'עטע מענשען, כסדר וויא מען האָט זיי געבראַכט אין מתים שטיבעל (מאָרג) האָט מען אונטערזוכט צי זיי האָבען קאָנסאָמפּשאָן צי ניט; צווישען דיא דאָזיגע הרוגים, וועלכע זיינען אַלע געשטאָרבען אין מיט'ן קאָך פון

קאַמפּף פון לעבען—און פיעלע פון וועלכע האָבען מסתמא גאָר ניט געוואוסט, אַז זיי זיינען קראַנקע, אָט צווישען דיא דאָזיגע קערפּער האָט מען געפונען, אַז איבער 33 פּראָצענט האָבען געהאַט קאָנסאָמפּשאָן! ד. ה. מעהר וויא אַ דריטעל פון מענשען וואָס זיינען געשטאָרבען דורך אַ צופאַל האָבען, פיעלייכט אַליין ניט וויסענדיג, געהאַט קאָנסאָמפּשאָן!

קוקט אייך צו צו דיא 4 צייכנונגען: דאָס איז אַן אויסרעכענונג פון דיא פערשיעדענע קראַנקהייטען, דורך וועלכע דיא איינוואָהנער פון ניו־יאָרק זיינען אוועק פון דער וועלט אין יאָהר 1901; דיא צייכנונגען איז געמאַכט געוואָרען גענוי נאָך דיא ציפערען פון דער באָארד אָף העלטה, געגרינדעט אויף דיא טויטען־שיינען, וואָס עס זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען אין יעדען טויטען־פאַל בעזונדער.



פיג. 1.



פיג. 2.



פיג. 3.



פיג. 4.

דיעזע 4 צייכנונגען ווייזען פון וואָסערע קראַנקהייטען די ניו יאָרקער איינוואָהנער זיינען געשטאָרבען אין יאָהר 1901, און וואָס פאַר אַ חלק פון די געשטאָרבענע זיינען געקומען צו זייער סוף פון אויסצעהרונג: דיא פיגור נומ. 1 צייגט דיא קראַנקהייטען פון דיא דאָזיגע מענער וואָס זיינען געשטאָרבען צווישען דיא יאָהרען 20 ביז 29; פיגור 2. צייגט דיא טויטען־פּעללע פון מאַנסלייט צווישען 30 און 44 יאָהר; דיא פיגור 3 צייגט דיא קראַנקהייטען פון די פרויען־צימער וואָס זיינען געשטאָרבען צווישען דיא יאָהרען 20 און 29; און פיגור 4 צייגט דיא אורזאַכען וואָס האָבען געבראַכט צו זייער טויט דיא פרויען וואָס זיינען געשטאָרבען צווישען דיא יאָהרען 30 און 44.

דיא שוואַרצע קעסטיל אין דיא 4 פיגורען בעווייזט דעם פּראָצענט פון אויסצעהרונג.

לאָמיר נעמען דיא פיגור 1. פון אַלע מענער וואָס זיינען אויסגעשטאָרבען אין שטאָדט ניו־יאָרק אין עלטער פון 20 ביז 29 יאָהר אין יאָהר 1901, זיינען דיא קראַנקהייטען, וואָס האָבען זיי געבראַכט צום טויט, געווען אין אַזאַ מין פּראָצענט:

אויסצעהרונג — איבער 36 פּראָצענט.
לונגען ענטצינדונג — איבער 10 פּראָצענט
סיבות — איבער 10 פּראָצענט.
הארץ־קראַנקהייט — איבער 5 פּראָצענט.
נירען קראַנקהייט — איבער 5 פּראָצענט.
טיפוס — אונטער 5 פּראָצענט.

און אלע אנדערע קראנקהייטען אונטער 30 פראָצענט.

קוקט דורך דיא פיגור 3. קומט אויס אז יונגע פרויען צווישען דיא יאָהרען 20 און 29 זיינען געשטאָרבען אין זעלבען יאָהר כמעט אין זעלבען פראָצענט פון אויסצעהרונג וויא מענער; נעמליך:

אויסצעהרונג	איבער 33 פראָצענט.
לונגען ענצינדונג	איבער 8 פראָצענט.
סיבות	אונטער 4 פראָצענט.
הארץ קראנקהייט	אונטער 7 פראָצענט.
נירען־קראנקהייט	איבער 6 פראָצענט.
טיפוס	אונטער 3 פראָצענט.

אלע אנדערע קראנקהייטען איבער 38 פראָצענט.

דאָס זיינען ניט קיין טעאָריען, אָדער מיינונגען וועלכע קענען זיך זיין פארשידען ביי פארשידענע מענשען; דאָס זיינען טרוקענע, קאַלטע, שווארצע פאקטען, שרעקליכע פאקטען, אָבער ניט מעהר וויא פאקטען:

אין דער שטאָט ניו יאָרק, אין יאָהר 1901, איז יעדער 3טער מענש וואָס איז געשטאָרבען, געקומען צו זיין טויט דירעקט דורך אויסצעהרונג.

דאָס איז דירעקט דורך אויסצעהרונג; וויפיעל אָבער פון דיא וואָס זיינען געשטאָרבען דורך אַנדערע קראנקהייטען, וועלכע זיי האָבען



פיג. 5.

געקראָגען נור דערפאר וואָס זיי האָבען געהאט אויסצעהרונג, פון דעם איז קיין חשבון ניט געפיהרט געוואָרען, און מען ווייס עס ניט גענוי. צ. ב. א מענש האָט אויסצעהרונג אין מילדע פאָרם, ער קילט זיך צו, קריגט א לונגען־ענטצינדונג און שטארבט אוועק. זיין טויט ווערט געוועהנליך אריין גערעכענט אונטער'ן קעפעל פון לונגען־ענטצינדונג. אָבער אז דער מענש וואָלט ניט געהאט קיין אויסצעהרונג, וואָלט ער פיעלייכט קיין לונגען - ענטצינדונג ניט געקראָגען, און אפילו אז ער זאָל שוין קריעגען א לונגען־ענטצינדונג וואָלט ער דערפון ניט שטארבען, ווייל א יונגער מענש פון 20—30 יאָהר מיט געזונטע לונגען, ווען ער קריעגט לונגען־ענטצינדונג — האָט ער קיין עסק ניט צו שטארבען דערפון. געשטאָרבען איז דער מענש טאקע פון לונגען־ענטצינדונג, אָבער אפולע פון דיא 8—10 פראָצענט וואָלטען דערפון ניט געשטאָרבען אויב זייערע לונגען וואָלטען שוין פריהער ניט געווען צוקאליעטשעט פון דיא אויסצעהרונג; און אזוי איז אויך מיט אייניגע אנדערע קראנקהייטען.

דערצו מוז מען נאָך צולייגען נאָך א פונקט.

דירעקט פון אויסצעהרונג זיינען געשטאָרבען אין גאנצען שטאָט מעהר וויא א דריטעל; וויא איז אָבער אז אין ניו יאָרק זיינען פארא־

נען אפולע בעל־הבתים, וועלכע וואָהנען אויפ׳ן בעל־הבתישען אופן, און צווישען זיי איז דער פּראָצענט פון אויסצעהרונג פיעל קלענער; קוממ אוים נאָך אמאָל, אז דער פּראָצענט פון טויטען־פעללע צווישען דיא טענעמענט־הויז איינוואָה־נער איז ווידער מיט א פּאָר פּונקטען גרעסער וויא דער קאָלטער דורכשניט־חשבון פון דער באָארד־אָף־העלטה (געזונדהייט־דעפּארטמענט.) קוקט אייך צו צום פיג. 5.

דאָס זיינען מאַפּען פון שטאָדט ניו יאָרק; פון אייער לינקער זייט ווייזט דיא מאפּע דיא געדיכטקייט פון דער בעפעלקערונג אין 1900; און דיא מאפּע פון דער רעכטער זייט ווייזט דעם שווארצקייט פון דער לינקער מאפּע) מיט׳ן פּראָ־צענט פון אויסצעהרונג (דיא שווארצקייט פון דיא רעכטע מאפּע); אייניגע פּונקטען מאכען עס לייכטער צו פארשטיין. 1. זיינען דיא מאפּען געצייכענט אין פערשיעדענע יאָהרען. 2. פיעלע ערטער וואָס זיינען אין דער לינקער מאפּע אנ־געגעבען מיט געדיכטע בעפעלקערונג זיינען נאָר געדיכט מיט הייזער, וועלכע זיינען אָבער ניט קיין וואָהנונגען, נאָר געשעפטען, און שעפּער. 3. מאכט אויך א חילוק פון וועלכע ראַסע דיא בעפעלקערונג בעשטייט; אידען צום ביישפּיעל, שיכור׳ען ווייניגער וויא אנדערע ראַסען, און גיעבען א בעדייטענד קלענערען פּראָצענט אויס־

פיג. 6.

פּראָצענט פון אויסצעהרונג צווישען דיא בע־פעלקערונג אין יאָהר 1901.

איהר וועט זעהען אז דיא גאנצע געדיכט־קייט פון דער בעפעלקערונג און אין דעם אונ־טערשטען העלפט שטאָדט, און אז דער שווערס־טער פּראָצענט פון אויסצעהרונג (ניט דער גרעסטער צאָהל פון אויסצעהרונג־פעלע — נאָר דער שווערערער פּראָצענט נאָכ׳ן צאָהל פון דיא איינוואָהנער נאָך) איז טאקע אויך אין אונטער־סטען טהייל שטאָדט.

איהר וועט מערקען אז אין קליינע פּונקטען אין אונטערשטען טהייל שטאָדט, שטימט ניט גע־נוי דיא געדיכטקייט פון דער בעפעלקערונג (די צעהרונג, וויא מאנכע אנדערע ראַסען. אין אל־געמיין אָבער שטימט דיא געדיכטקייט פון דער בעפעלקערונג איין מיט׳ן גרעסערען פּראָצענט פון טויטען־פעלע פון אויסצעהרונג.

אָדער לאָמיר נעהמען דיא פיג. 6.

דאָס איז א מאפּע פון א טהייל פון שטאָדט ניו יאָרק וואָס מי רופט טשאַני־טאַון, חינעזען־שטאָדט; דאָרט וואָהנען חינעזען; רייכע קויפ־לייטע, און אָרעמע ארבייטער, און מיט זיי וואָה־נען דאָרטען אויך אָרימע ווייסע פרויען. טאקע געלע מענשען, הייסט עס נישט נאַש בראַט, אָבער מענשען זיינען זיי פּאָרט און זיינען אויך אין ארקאָדיען געבאָרען; און ביי זייער וויעג,

האָט דיא נאַטור זיי אויף פריידען צוגעשוואָ־
רען — וויא דער דיכטער זאָגט: מאַכט ניט
אויס מעג מען א קוק טהאָן פון וואָס זיי שטאַר־
בען אויף, און א חוץ דעם, וויא מיר וועלען שפּע־
טער זעהן, איז אויסצעהרונג א קלעפּיגע קראַנק־
הייט, עס גייט אַריבער פון דעם קראַנקען מענשען
צום געזונדען, און דיא באַציללען, דיא קליינע
חיה'לעך וואָס זיינען דיא סיבה פון דער קראַנק־
הייט — דיא באַציללען ווייסען לכתחלה ניט
ווער עס האָט א געלע הויט און ווער א ווייסע,
און פאַרנעמען זיך אין יעדען מענשענס לונגען,
וואו נור זיי קריגען א צוטריט, אויב זיי פאַר־
מעהרען זיך זייער שטאַרק ביי דיא חינעזען ווע־
לען זיי גאָר אין צערעמאָניעס זיך אויף פאַרשפּריי־
טען צווישען זייערע ווייסע שכנים. טו איז עס
שוין גאָר אונזער עסק צו זעהען וואָס עס קומט
פאָר אין חינעזען שטאָדט.

דע קעסטעלע איז א הויז, און יעדער בוכשטאַב
אין יעדען קעסטעלע באַטייט אויף א פאַל פון
אויסצערונג.

דהיינו אין 134 טשעררי סטריט זיינען
געווען 17 פעללע פון אויסצעהרונג; אין 79
קעטערין סטריט — 7 פעללע; אין 28 העמיל־
טאָן סטריט — 8 פעללע און אין 144 טשעררי
סטריט זיינען געווען 19 פעללע פון אויסצעה־
רונג.

אין דעם גאַנצען בלאָק זיינען פאַראַנען,
דוכט זיך, 70 הייזער, און פון דיא אַלע 70
הייזער, זיינען נור דאָ 9 הייזער וואָס האָבען
ניט קיין קאָנסאָמפּשין; מעהר ניט. איך האָב
אָבער פאַרגעסען וויפיעל פון דיא 9 פרייע
הייזער זיינען ווירקליך בעוואוינטע הייזער, און
וויפיעל פון זיי זיינען שטאַלען און שעפּער.

און ווען עס וואָלט ניט געווען פאַרבונדען



פיג. 7.

טו לאָמיר זשע א קוק טהאָן.

דיא ברייטע ווייסע פּאַסען זיינען דיא
סטריטען, יעדער קעסטעלע איז א בעזונדערע
הויז, אין יעדער אות און יעדען קעסטעל
באַטייט א טויט פון אויסצעהרונג; צ. ב., אין
הויז 26 פעלל סטריט זיינען געשטאָרבען צוויי
מענשען פון אויסצעהרונג; אין 18 מאַטט
סטריט, זיינען געשטאָרבען 13 מענשען; אין
22 פעלל סטריט, זיינען געשטאָרבען דוכט זיך
25 מענשען, אין 12 פעלל סטריט זיינען גע־
שטאָרבען 22; אין 17 דאָיעי סטריט, 19
מענשען, א. ז. וו. יעדער הויז מיט'ן אייגענעם
חשבון.

אָדער צו וואָס דאַרף מען חינעזען, נאָ־
מיר גיין נעהנטער אַהיים, פיגור 7, איז א
מאַפּע פון א בלאָק וואו עס וואָהנען ווייסע מענ־
שען, אידען, איטאַליענער און אירלענדער. יע־

מיט אזוי פיעל שוועריגקייטען און צייט-פאַר־
לוסט, וואָלט איך אייך קענען פאַרברייננגען
נאָך א טוץ אזעלכע מאַפּען, און אייך ווייזען,
אז אין שטאָדט ניויאָרק, אין וועלכער טהייל
שטאָדט איהר זאָלט ניט געהן צווישען דיא
איינוואַנדערער פון אשור, צו פון אירלאַנד,
צו גריכען, אָדער אידען, אָדער איטאַליענער;
אָדער שוואַרצע, ווייסע און געלע מענשען —
וויא באַלד נאָר עס זיינען דאָרטען טענעמענט
הייזער מיט אָרעמע לייט — וועט איהר דיא
הייזער געפינען געדיכט דורך געשפּריצט מיט
דיא שוואַרצע אותיות, יעדער פון וועלכען בע־
טייט א לעבען צוקאַליעטשעט אָדער פאַרניכ־
טעט פון אויסצעהרונג.

אין פיגור 7, שטעלט פאָר דיא רעכטע
זייט — מאַרקעט סטריט — א סטריט פון אי־
דישע בעפעלקערונג; אויסצעהרונג איז דאָר־

טען דאָ פיעל וויניגער וויא אין דיא אַנדערע זייטען פון בלאָק, און פון דעסטוועגען, איז ניטאָ קיין איין פרייע הויז.

אַפילו אַ בלינדער קען זעהן, אַז אויסצעהרונג איז ניט קיין צופאַל — עס איז אַן אייזערנע נויטהווענדיגקייט ; אַז אויסצעהרונג איז ניט קיין פריוואַט זאַך — עס איז א דבר, אַ עפּידעמיע וואָס קאַליעטשעט דאָס לעבען פון גאַנצען פאָלק, און דאָס פאָלק מוז זיך אויסלערנען אַריין קוקען דעם אמת אין דיא אויגען אריין און זוכען אַ תרופה צו דיזען שרעקליכען פעסט.

דיא וויכטיגקייט פון אויסצעהרונג בעשטייט אין דעם, וואָס דיא קראַנקהייט איז אונפערמיידליך אין דער טענעמענט הויז ; און וואָס מעהר וויא אין אַן אַנדער קראַנקהייט, ווייסט שוין היינט דיא וויססענשאַפט גענוי וויא אַזוי דיא קראַנקהייט ענטשטעהט, און פאַרשפּרייט זיך, און בעזיצט אויך דיא מיטלען דיא קראַנקהייט גאַנץ אויסצו־וואָרצלען, אויב נור דיא מענשען זאָלען נאָר וועלען אנווענדען אָט דיא דאָזיגע מיטלען, וויא מיר וועלען עס זעהען. *)

דר. מ. גירזשדאַנסקי.

---

*) איניגע פון דיא דרוקפעהלער, אין פאָריגען ארטיקעל: פּיידזש 140 שורה 18 — פארשמוצט אנשטאט פארשוויצט; פּיידזש 141 שורה 7, שטענדיג אנשטאט שטריינגער; פּיידזש 142 שורה 11, „איינקייט" במקום „ריינקייט"; פּיידזש 144 שורה 7, מוטער־מילך אנשטאט גוטער־מילך.

און קומט אַן דיא ליעבע נאַכט...

ד'זעה א גאַנצען טאָג זיך אָן
מיט צרות און מיט נויט ;
און וואו עס פאלט און רוהט מיין בליק
איז אָרעמקייט און קויט.

און וואו עס פאלט און רוהט מיין בליק
איז ביטערנים און וועה,
ד'ווער פערצווייפעלט ווען איך הער
דעם הונגער'ס שמערץ־געשריי.

דאָך קומט אָן דיא ליעבע נאכט
שלומערט איין מיין פיין,
און מיין זעעלע פולל מיט לייד
חלום'ט, חלום'ט איין.

און קומט אָן דיא ליעבע נאכט —
גיסט אויף מיר מיט רוה,
שווימט אַוועק מיין קראַנקע הארץ
הויך צום הימעל צו . . .

שווימט אַוועק מיין קראַנקע הארץ
ווייט פון נויט און פּלאָג
און פערגעסט אַז מאָרגען קומט
ווידער אָן דער טאָג . . .

יואל סלאָנים.

דיא לעהרע פון דיא פיזיאָקראַטען.

ווען מיר נעהמען בעטראַכטען דאָס לעבען פון גאַנצען כלל פון דער געזעלשאַפט, זעהען מיר, דאָס עס איז אין פיעל הינזיכטען עהנליך צום לעבען פון פרט, פון איינציגע פּערזאָנען. דיא גאַנצע געזעלשאַפט לעבט אויף איבער פערשיעדענע פּעריאָדען אַזוי וויא יעדע איינצעלנע פּערזאָן. דיא געזעלשאַפטליכקייט, דער אינהאַלט, בלייבט טאַקע שטענדיג. אָבער עס בייטען און ענדערען זיך דיא פאָרמען, אין וועלכע דיא געזעלשאַפטליכקייט קליידעט זיך אָן. דער אינהאַלט איז דער קאַמפּף אום'ס דאַזיין, דיא עקאָנאָמישע פערהעלטניסע. דיא פאָרמען זיינען דאָס פּאָליטישע און גייסטיגע לעבען פון דער געזעלשאַפט. דיא פאָרמען, וועלכע זיינען אין דער יוגענד פון אַ געוויסען געזעלשאַפטליכע פּעריאָדע געוועזען זעהר גוט צוגעפּאַסט און נוצען געבראַכט דיא עקאָנאָמישע פערהעלטניסע, ווערען שפּעטער, ווען דיא עקאָנאָמישע פערהעלטניכע ענטוויקלען זיך ווייטער און ברייטער ענג. דאַן פּאַסירט עס אויסער דעם וואָס זיי הערען אויף צו נוצען, הייבען זיי נאָך אָן צו ברייננגען שאַדען. זיי דריקען די עקאָנאָמיק און לאָזען זיך איהר ניט ענטוויקלען. ווען דיעזער דרוק ווערט פיהלבאַר אין דער געזעלשאַפט, דאַן פאַנגט זיך אָן צו ענדערען דיא מיינונגען און דיא איבערצייגונגען פון דיא פאָרטגעשריטענע מענשען, וועלכע הויבען שוין אָן צו פּרייִדיגען נייע תורות, נייע לעהרען, ביז וואַנען דיא געזעלשאַפט בעקומט אַזעלכע פאָרמען, וועלכע זאָלען זיין צוגעפּאַסט צום נייעם אינהאַלט. דיא אונצופריעדענהייט מיט די פריהערריגע, ניט פּאַסענדע, פאָרמען, ווירקט טהייל מאָל אַזוי גרויס, דאָס דיא נייע אַנשויאונגען אונטערשיידען שוין ניט פון גוט און שלעכט און פּרעדיגען גראַד דעם היפך פון פריהער, אפילו ווען אייניגע פון דיא פריהערדיגע מיינונגען האָבען נאָך אויך איצט, ביי דער געגענוואַרטיגער ענטוויקלונג, געקענט עקזיסטירען. אַזעלכע ענטגעגען־געזעצע אויפפאַסונגען פון צוויי פּעריאָדען איינע נאָך דיא אַנדערע זעהען מיר זעהר אָפט אין דער געשיכטע. דאָס וואָס דיא ערשטע פּעריאָדע האַלט פאַר אמת, האַלט דיא צווייטע פּעריאָדע פאַר שקר. וואָס ביים ערשטען איז הייליג, איז ביים צווייטען וואָכעדיג. וואָס ביים ערשטען גוט — ביים צווייטען דוקא שלעכט א. ז. וו. אַזעלכע שטימונגען רופט מען „רעאַקציאָנען“ —צוריקווירקונג געגען דער פריהערדיגע, פּעריאָדע.

אַזאַ רעאַקציאָן געגען דער מערקאַנטיליסטישער סיסטעם זעהען מיר אין דער לעהרע פון דיא פיזיאָקראַטען.

כל־זמן דער קאַפּיטאַליזמוס איז נאָך געווען יונג, ניט ענטוויקעלט און זיך גענייטיגט אין אויפפּאַסונג, איז דיא אַפּוטרופּסות, דיא השגחה פון דער רעגיערונג אויף דיא פּראָדוקציאָן, געווען זעהר נייטהיג. שפּעטער, ווען דער האַנדעל און אינדוסטריע זיינען שוין אַרויסגעוואַקסען פון זייער קינדער־פּעריאָדע, ווען זיי זיינען שוין געוואָרען שטאַרק, זעלבסטשטענדיג, דאַן איז דאָס אַריין מישען זיך פון דער רעגיערונג אין דער פּראָדוקציאָן געוואָרען אין גאַנצען איבעריג. עס איז פון איהר געוואָרען אַ גרויסע איבעריגע לאַסט, וועלכע האָט ניט געלאָזען געהן פאָרווערטס. דאָס האָט נור געשטערט דער ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזמוס. ניאַנקעס זיינען נור גוט פאַר קליינע קינדער, פאַר גרויסע מענשען איז דאָס אַן אונגליק. דיא ענטוויקלונג פון גרויס - קאַפּיטאַל פאָדערט פרייהייט. דער גרויסער אונטערנעהמער דאַרף ניט יעדע זאַך אָנפרעגען ביי דער רעגיערונג. ער מוז קענען זיך פריי בעוועגען. פרייהייט פאַר'ן גרויס־קאַפּיטאַל איז, אַזוי וויא לופט פאַר'ן לעבען פון בעשעפעניסען.

דער פּראָטעקציאָניזמוס האָט אויך אָנגעפאַנגען צו שטערען דיא ענטוויקלונג. דער קאַפּיטאַל האָט ניט קיין היים. ער מוז וואַנדערן איבער דיא גרענעצען פון זיין פאַטערלאַנד. דיא ווענד פון פּראָטעקציאָניזמוס האָבען איהם אָבער פערצאַמט דעם וועג. עס זיינען געוואָרען אונצופריעדען דיא פאַרברויכער פון דיא פּראָדוקטען, דיא קונים. צוליעב דיא צאָהל־טאַריפען האָבען זיי געמוזט צאָהלען טייערער פאַר דיא סחורות, וועלכע זיי האָבען נייטהיג געהאַט. די גרונד־בעזיצער און אַקער־בויער האָבען נאָך מעהר געפיהלט דעם שווערען יאָך פון פּראָטעקציאָניזמוס. און דער אינדוסטריא, וועלכער איז געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט דער פערנאַכלעסיגונג און זאָגאַר אונטערדריקונג פון דער לאַנד־

ווירטהשאַפט. יא, זאָגאַר דיא אינדוסטריע לייט האָבען שוין פערלאַנגט מען זאָל פערניכטען דיא אַפּוטרופּסות און דעם פּראָטעקציאָניזמוס. איבערהויפּט האָט זיך אָנגעהויבען אַ בעוועגונג געגען דעם פּראָטעקציאָניזמוס אין דיא לענדער, וואו דיא אינדוסטריא איז געווען אַ סך העכער ענטוויקעלט וויא אַנדערסוואו. דער פּראָטעקציאָניזמוס האָט ניט געלאָזען דיעזע אינדוסטריע לייט פריי קאָנקורירען איינע מיט דיא אַנדערע און בעהערשען דעם וועלט־מאַרק.

דיא קאָלאָניאַל־פּאָליטיק און דיא שאָוויניסטישע תאוות זיינען אויך געוואָרען דערוויעדער דער ענטוויקלונג. דער קאַפּיטאַליזמוס זוכט ערטער פאַר זיך איבעראַל. וואו נור ער האָט דיא מעגליכקייטען זיך אַריינצורייסען, רייסט ער זיך אַריין. אין אַ געוויסען זין רעגיערט דאָ אויך דאָס נאַטור־געזעץ, נאָך וועלכען יעדער קערפּער שטרעבט זיך אַריינצורייסען אומעטום, וואו עס איז דאָ אַ לעדיגער פּלאַץ. דיא גרענעצען פון נאַציאָנאַליזמוס און שאָוויניזמוס ברעכט ער דורך. דיא קליינליכע, אוננוטציגע שנאה פון איין מדינה צו דער צווייטער, פערטראָגט דער קאַפּיטאַל ניט. ער פאַרפעסטיגט זיך איבעראַל, וואו נור ער קען נוטצען האָבען. ער אונטערשיידעט ניט זיין פאַטערלאַנד פון אַנ׳אַנדער לאַנד. „דער אינערליכער און דער אויסערליכער האַנדעל — זאָגט נ אָ ר ט, אַ פאָרשטעהער פון דער פיזיאָקראַטישער לעהרע — זיינען ביידע גלייך נייטהיג. דיא ענטוויקלונג פון איינעם איז אַבהענגיג פון׳ם צווייטען. ביידע, דער ערשטער וויא דער צווייטער, מוזען זיין פריי. אַלע נאַציאָנען פון דער וועלט זיינען פערבונדען צווישען זיך, זיינען נייטהיג איינער פאַר׳ן אַנדערן, וויא איינציגע שטעדט פון איין מדינה. אַוועקשטעלען צווישען פערשיעדענע נאַציאָנען צאַמען, ווענד, דורך דיא צאָלל־טאַריפען אין איבעריגע פערטהיידיגונגס־מיטלען, איז אַזוי נאַריש, וויא צו פערבאָטען דעם פערקעהר און איבעריגע האַנדעלס־בעציהונגען צווישען שכנה׳שע שטעדט, אָדער, זאָגאַר, וויא צווישען איינציגע ווירטהשאַפטען. אַלע נאַציאָנען געהען צו איין ציעל אין זייער ענטוויקלונג. זייערע העלפען איינע דיא אַנדערע. אין אינדוסטריעלע אַנגעלעגענהייטען מוז דיא גאַנצע מענשהייט לעבען אין פריעדען. יעדער שמאָלער נאַציאָנאַליזמוס ברענגט נור שאַדען. ער פערקלענערט דיא נוצען, וואָס ביידע צדדים ברײנגען איינע דיא אַנדערע און דערמיט האַלט ער אויף דיא עקאָנאָמישע ענטוויקלונג.“

דיא גרונד־אידעע פון נ אָ ר ט׳ס לעהרע בעשטעהט אין דעם, אַז אין אינדוסטריעלען הינזיכט זיינען דיא אינטערעסען פון פערשיעדענע פעלקער און נאַציאָנען ניט ענטגעגענגעזעטצט, זאָנדערן סאָלידאַריש, און אַז אין דיעזער בעציהונג זיינען אַלע נאַציאָנען נור איינציגע מיטגליעדער פון דער אַלגעמיינער גרויסער מענשליכער פאַמיליע. „קיין פאָלק — ענדיגט נ אָ ר ט — איז ניט רייך געוואָרען דורך דיא מיטלען פון פּראָדוקציאָן. נור שלום, פריינדשאַפט, ליעבע צו אַרבייט און פרייהייט בעשאַפען דעם האַנדעל און רייכטהום.“

דיא פריהערדיגע נאַציאָנאַליסטישע אידעע פון אבגעזונדערטקייט, פיינדשאַפט, איז אויסגעביטען געוואָרען אויף אידעען פון קאָסמאָפּאָליטיזמוס, פון ליעבע און אַכטונג צום צווייטען, פון וועלכער נאַציאָן אָדער מדינה יענער זאָל ניט זיין; פרייער פערקעהר, פרייע קאָנקורענץ א.ז.וו. דיעזע אַלע אידעען האָבען געפונען אַ גרויסען אָבקלאַנג אין דיא אונצופריעדענע פאָלקס־מאַסען, וועלכע האָבען ניט געקענט דערשלעפּען דעם לאַסט פון דיא גרויסע אַבצאַהלונגען, וואָס דיא רעגיערונגען האָבען אַרויפגעוואָרפען כדי צו האָבען דיא מעגליכקייט צו פיהרען מלחמות. עס האָט זיך ערוועקט אַ שנאה צו דער הערשענדער אָרדנונג. דיעזע שנאה האָט זיך, וויא בעוואוסט, געענדיגט מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן.

דער בעגריף וועגען דיא בעדייטונג און די אויפגאַבען פון דער רעגיערונג און פון דער געזעלשאַפט האָט זיך אויך אין גאַנצען געענדערט. פריהער איז מען געווען דער מיינונג, אַז דיא געזעלשאַפט בעשטעהט פון פערשיעדענע אינדיווידיאומען, יחידים, וועלכע האָבען צווישען זיך קיין שום שייכות און קיין שום צוזאַמענהאַנג ניט, אָהן אַ סדר און אָהן אַן אָרדנונג. דעריבער האָט מען געמיינט אַז דיא רעגיערונג מוז רעגולירען דיא בעציהונגען צווישען מענשען, כדי צו שאַפען אָרדנונג. איצט איז מען אָבער געקומען צו דער מיינונג, אַז דיא געזעלשאַפט איז אַן אָרגאַניזמוס וואו יעדער מענש איז אַ בעזונדערער אָרגאַן און אַז דיעזער אָרגאַניזמוס ענטוויקעלט זיך אַליין לויט געוויסע נאַטירליכע געזעצען. מען איז געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס צווישען דיא מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט עקזיסטירט אַ געוויסע האַרמאָניע, געוויסע בעציהונגען, געגרינדעט אויף זייערע בעציהונגען צו דער אויסערליכער נאַטור. יעדע בעשרענקונג, יעדער אַריינמישען זיך קען נור דיעזע נאַטירליכע האַרמאָניע שטערען. „ניט דיא מענשען לעבען פאַר׳ן שטאַאַט — האָט מען אָנגעפאַנגען צו טענה׳ן. — נור דער שטאַאַט עקזיסטירט פאַר דיא מענשען.“

דיא מערקאנטיליסטישע לעהרע וועגען די בעדייטונג פון געלד, האט מען געהאלטען אין גאנצען פאר פאלש. מען איז געקומען צו דער ריכטיגער איבערצייגונג, אז געלד פאר זיך אליין האט קיין שום ווערטה ניט. געלד איז נור א געצייג, א מיטעל צום מסחר. דיא קוועלע פון רייכטהום איז ארבייט, ניט געלד. א לאנד קען האבען זעהר וועניג געלד און זיין רייך. „געלד — זאגט דער בעריהמטער פילאזאף דוד יום, — איז נור א מיטעל צו פערגרינגערען דעם אויסטויש פון סחורות. געלד איז ניט דער ראד פון האנדעל, נור דיא שמירונג. עס שמירט אונטער דיא רעדער און דיא בעוועגונג ווערט גרינגער.“

דיא פיזיאקראטען זיינען געווען איבערצייגט, אז דאס עקאנאמישע לעבען ענטוויקעלט זיך דורך אונפערענדערליכע, פעסטע אוועקגעשטעלטע, ניט ווילקירליכע געזעצען, און אין געגענזאץ צו דיא מערקאנטיליסטען, וועלכע האבען געמיינט, אז דיא רעגיערונג קען דורך קינסטליכע מיטלען בערייכערען דיא מדינה, האבען זיי בעהויפטעט, אז דיא אויפגאבע פון דער וויסענשאפט בעשטעהט ניט אין דעם אויפצוזוכען מיטלען, וויא קינסטליך דאס לאנד צו בערייכערען, דאס איז איבערהויפט אונמעגליך, — זאנדערן מען מוז אויסגעפינען דיא געזעצען, וועלכע רעגיערען אין לעבען און דאן לאזען דאס לעבען זיך פריי ענטוויקלען לויט דיעזע געזעצען. דער שטאאט דארף ניט רעגיערען איבער דיא מענשען, זאנדערן דיענען דיא מענשען. דיא פיזיאקראטישע לעהרע קען מען רופען דיא ערשטע וויסענשאפטליך־בעגרינדעטע סיסטעם אין דער געזעלשאפטליכער וויסענשאפט. פון דיא פיזיאקראטען האבען מיר אויך דאס ערשטע מאל בעקומען דעם נאמען „פאליטישע עקאנאמיע“, ד. ה. דיא לעהרע פון׳ם נאטירליכען ארדנונג, וואס הערשט אין דער געזעלשאפט.

אבער צוזאמען מיט דיא ריכטיגע בעווייזע, וועלכע דיא פיזיאקראטישע לעהרע האט ארויסגעשטעלט געגען דיא מערקאנטיליסטען, האט זיך אריינגע׳גנב׳עט אין איהר זעהר פיעל טעותים. דיא פיזיאקראטען זיינען אריינגעפאלען אין איינזייטיגקייט. זייענדיג זעהר אויפגערעגט אויף דיא מערקאנטיליסטישע סיסטעם, פאר וואס זיא האט נור געשיצט דיא אינטערעסען פון אינדוסטריא און האנדעל און אונטערדריקט דיא לאנד־ווירטהשאפט, האט דיא פיזיאקראטישע לעהרע זיך גענומען בעווייזען, דוקא פארקעהרט: „לאנד ווירטהשאפט, און נור לאנד־ווירטהשאפט איז דיא איינציגע קוועלע פון פאלקס־רייכטהום“. דיא אמת׳ע קוועלע פון רייכטהום איז לויט דיא פיזיאקראטישע אנשויאונג, דיא נאטור, וועלכע בעשאפט מאטעריאל אין דיא ערד, דער באדען, וואו דיעזער מאטעריאל ווערט איבערגעארבייטעט אויף נאהרונגס־מיטלען. דער באדען, צוזאמען מיט אלע נאטירליכע קרעפטען, וועלכע רעגיערען דארט, בעשאפען אלע פראדוקטען, וועלכע בעפריעדיגען דיא מאטעריעלע באדירפניסען פון מענשען. און דעריבער האבען דיא פיזיאקראטען געהאלטען דיא לאנד־ווירטהשאפט פאר די איינציגע קוועלע, וויא דיא פעלקער צו בערייכערען. נור אין לאנד־ווירטהשאפט קומט דיא נאטור צו הילף דעם מענשענ׳ס ארבייט. נור דיא לאנד־ווירטהשאפט גיט בסך הכל נאכדעם וויא מען רעכענט ארונטער דיא הוצאות, א ריינעם ריוח, וועלכער פערגרעסערט דיא רייכטהום. יעדערער זעהט קלאהר, אז דער לאנד־ווירטה זעעט 1 צענטנער תבואה און נעהמט אראב 10 צענטנער. דאס איז א ממשות׳דיגער ריוח. דיעזער ריינער ריוח פון 9 צענטנער בעקומט מען — זאגען דיא פיזיאקראטען — נור דערפאר, ווייל דיא קרעפטען פון דער נאטור, וועלכע זיינען פערבונדען מיט׳ן באדען, ווירקען אויפ׳ן מענשענ׳ס ארבייט און פערמעהרען דיא פראדוקטען. דיא אנדערע ארבייטען בעשאפען איבערהויפט גאר ניט. זיי פערמעהרען ניט קיין גיטער, זיי ארבייטען נור איבער דאס, וואס עס איז שוין לאנג דא. דער פאבריקאנט קען נור רייך ווערען דענסטמאל, ווען ער שפארט עטוואס אב ביים איבערארבייטען פון סחורות. פיעל ערגער איז נאך מיט׳ן מסחר, וועלכער שאפט גאר ניט: דער מסחר פיהרט נור אריבער דיא סחורות פון איין ארט אויפ׳ן צווייטען.

שטעהענדיג אויף דעם שטאנדפונקט, האבען דיא פיזיאקראטען געהאלטען פאר פראדוקטיווע ארבייטער, ד. ה. פאר שעפער, נור דעם אקערבוי־קלאס. דיא איבעריגע קלאסען, דיא אינדוסטריא לייט און סוחרים, וועלכע בעשעפטיגען זיך נור מיט׳ן איבער־ארבייטען און איבערפיהרען דיא פראדוקטען, וואס דער אקערבוי־קלאס שאפט, האבען דיא פיזיאקראטען געהאלטען פאר ניט־פראדוקטיוו, און ערקלעהרען, אז זיי לעבען נור אויפ׳ן ריוח פון דיא וואס בעארבייטען דיא ערד. אלע קלאסען שטעהען ביי זיי אויף געהאלט.

דיעזע לעהרע האט געפיהרט דיא פיזיאקראטען צום פראקטישען הויפט כלל: „וויבאלד, אז דער באדען איז דיא איינציגע קוועלע פון פאלקס רייכטהום — טא דארף דיא רעגיערונג ממילא אונטערשטיצען נור דיא ענטוויקלונג פון

לאַנד־ווירטהשאַפט". דער נאָמען פיזיאָקראַט שטאַמט אויך דערפון, וואָס דיעזע לעהרע האָט געלייגט געוויכט נור אויף דיא ארבייט פון אַקערבויער.

דיא פיזיאָקראַטען זיינען געגאַנגען אין זייער לעהרע נאָך ווייטער. „דיא נאַטור — זאָגען דיא פיזיאָקראַטען — איז ניט נור דיא איינציגע קוועלע פון רייכטהום, זיא איז אויך דיא איינציגע רעגיערערין אין לעבען פון פאָלק. דיא געזעלשאַפטליכע אָרדנונג מוז בעשטימט ווערען לויט שטענדיגע אונפערענדערליכע געזעצען פון דער נאַטור, אַזוי וויא עס ווערען בעשטימט אַנדערע ערשיינונגען. דיא געזעלשאַפטליכע אָרדנונג איז גוט און נאָרמאַל, נור דענסטמאָל, ווען זיא איז צוגעפּאַסט צו דיא געזעצען פון דער נאַטור; נור דאַן בריינגט זיא פיעל גליק אַלע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט. יעדע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וועלכע טרעט אָפּ אָן אַ זייט פון דער נאַטור, איז ניט גוט און איז שעדליך. און שעדליך איז אַזאַ אָרדנונג אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זיא נייגט זיך אָב פון דער פרייער נאַטור."

דיא נאַטירליכסטע — און ממילא אויך די בעסטע אָרדנונג — מיינען ווייטער דיא פיזיאָקראַטען — איז אַזעלכע, וועלכע דריקט אַם ווענינגסטען דיא טרייב־קרעפטען פון דער מענשליכער פרייער נאַטור. זייענדיג אין גאַנצען פריי, איז דיא נאַטור מעהר פעהיג צו ווייזען דעם מענשען דעם אמת'ן און ריכטיגען וועג. ווען דער מענש וועט נור ווערען רעגיערט דורך דיא שטימע פון זיין פרייער נאַטור, וועט ער דאַן זיין גוט און אויפגעקלעהרט און שטרעבען צו זיין אייגענעם פערזענליכען גליק, אויף דעם אופן וועט אויך זיין עררייכט דאָס אַלגעמיינע גליק. מען דאַרף דעם מענשענ'ס לעבען בעפרייען פון דעם לאַסט פון פערשיעדענע בעגרענעצונגען און אונטערדריקונגען. פרייהייט איז נעטהיג אומעטום. מען מוז יעדען מענשען געבען דיא פרייהייט צו זאָרגען אַליין פאַר זיך, וויא עס פאָדערן זיינע פערזענליכע אינטערעסען. דאָס וועט אויך זיין אַ גליק פאַר'ן גאַנצען כלל, ווייל דערמיט וואָס יעדערער זאָרגט צו פערמעהרען זיין אייגענעם גליק — דערמיט גופא פערגרעסערט ער שוין ממילא דאָס גליק פון כלל. דיא אינטערעסען פון כלל זיינען ניט דערוויעדער די אינטערעסען פון יעדען יחיד בעזונדער. אויף דעם אופן דאַרף דיא רעגיערונג זיך ניט אַריינמישען אין לעבען פון דיא בירגער. דיא אויפגאַבע פון דער רעגיערונג איז נור צו בעשיצען דאָס אייגענטהום און צו פערטהיידיגען דיא מענשען. מעהר פערלאַנגט מען פון איהר ניט. דער בעריהמטער זאַטץ: „laisser faire, laisser passer" לאָזט טהון, לאָזט געהן, וואָס דיענט נאָך אויך איצט ביי דיא ראַדיקאַלע עקאָנאָמיסטען פאַר דעם פיהרענדען כלל אין זייערע פּראַקטישע פאָדערונגען, געהערט אויך יענער צייט. מיט דיזען זאַטץ האָט זיך דער פיזיאָקראַט גורנע געווענדעט צו דער רעגיערונג. דערמיט האָט ער געמיינט צו זאָגען, דאָס דיא רעגיערונג זאָל זיך ניט בעקימערן און אַריינמישען זיך אין עקאָנאָמישען לעבען. מען דאַרף יעדען לאָזען פריי האַנדלען און פריי שאַפען. יעדער בירגער וועט זיך שוין אַליין בעשטימען זיין מזל. אויב ער וועט לייכט פערדאַרבען, וועט ער דערפאַר לייכט פערדיענען, און אומגעקעהרט.

דיעזע פיזיאָקראַטישע אויפפאַסונג בנוגע דיא גרויסע בעדייטונג פון דער נאַטור אין געזעלשאַפטליכען לעבען, האָט געהערשט אין דיא מוחות פון דיא בעסטע געלעהרטע, דענקער און פילאָזאָפען פון צווייטען העלפט פון 18טען יאָהרהונדערט. אַלע אידעען פון יענער צייט האָבען געטראָגען מעהר אָדער וועניגער דעם זיגעל פון דיעזער לעהרע. דיא ענציקלאָפּעדיסטען רוססאָ און מאָנטעסקע, וועלכע זיינען איבערהויפּט געווען געגען ציוויליזאַציאָן און האָבען געפּרעדיגט אז, דאָס גרעסטע גליק פאַר דיא מענשהייט איז דער נאַטור־לעבען — ביז דיא גרויסע שעפּפער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן מיראַבאָ, קאָנדערסע — אַלע האָבען זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון דיעזער לעהרע.

דער פאָטער פון דער פיזיאָקראַטישער לעהרע, איז פראַנסאָא קענע, אַ הויף־דאָקטאָר ביי ליודוויק דעם 15טען. פון דיא שטאַאַטס־מענער און פּאָליטיקער, וועלכע האָבען סיסטעמאַטיזירט דיא פיזיאָקראַטישע לעהרע און געוואָלט דורכפיהרען אין פּראַקטישען לעבען, איז געוועזען מעהר פון אַלעמען בעריהמט דער געוויסער טורגאָ, דער פינאַנס־מיניסטער ביי ליודוויק דעם 16־טען. אַזוי וויא קאָלבער ביי דיא מערקאַנטיליסטען, איז טורגאָ געוועזען דער פּאָליטישער פאָרשטעהער, וועלכער האָט געהאַט אַ מאַכט דורכצופיהרען און איינצואָרדנען דאָס פּראַקטישע לעבען לויט דיא פיזיאָקראַטישע אַנשויאונגען.

דיא אידעאַלע גרונדלאַגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן ענטהאַלטען אין זיך דיא פּראָגראַם פון דער פיזיאָקראַטישער לעהרע.

א. ש. זאַקס.

שלום יעקב אבראמאוויטש

(מענדעלע מוכר ספרים.)

דיא פיער וויכטיגסטע ערציילונגען וואס אבראמאָוויטש האָט אָנגעשריבען זיינען דער „קליין מענשעלע“ (1864), דער „ווינש פינגערל“ (1865), „פישקע דער קרומער“ (1869) און „שלמה ר׳ חיים׳ס. דער לעצטער ביכעל איז ארויסגעגעבען געוואָרען אין אמעריקא. ווען ער איז ארויס אין רוסלאנד, און אונטער וואָס פאר א נאמען איז ניט בעשטימט. צווישען דעם צעטעל פון אבראמאָוויטשעס ווערק געפינט זיך ניט א ביכעל מיט אזא נאמען. עס איז אָבער קיין שום ספק ניט, אז דער ביכעל איז אבראמאָוויטשעס, און, וויא עס שיינט, איז דאָס איינע פון זיינע שפעטערע ווערק.

אבראמאָוויטשעס מעלות און חסרונות וואַרפען זיך דורך אלע פיער ערציילונגען. נאָר וואָס עלטער דאָס ווערק איז אלץ גרעסער דיא מעלות און אלץ קלענער דיא חסרונות. אין דעם „קליין מענשעלע“, זעהט זיך אָן דיא מגידות, דער מוסר־זאָגען מעהר וויא אין דיא ווייטערע ערציילונגען. מען זעהט בעשיינפערליך אז אבראמאָוויטש איז דאן געשטאנען אויפן „אלטען מארק“ פון אידישע ליטעראטור. אין דעם „קליין מענשעלע“ זעהט זיך נאָך אָן דער גאנג פון אייזיק מאיר דיעק, ד. ה. אז דיא מעשה אליין איז ניט וויכטיג, דיא שילדערונגען דארפען אויך ניט שפיעלען אזא ראָלע. דער עיקר איז דער מוסר־השכל, דיא מגידות. דאָס איז טאקי מגידות באלד אין דעם אמת׳ן זינן פון דעם וואָרט, וויל דער „קליין מענשעלע“ איז אין עצם א מוסר־ביכעל, וועלכער שטראָפט דיא נגידים, דיא תקיפים, דיא קהל׳שע מאכערס. זעהט, איהר אומגליקליכע מענשען, שרייט דער מגיד פון דעם „קליינעם מענשעלע“, נעהמט אייך אראָפ א מוסר פון יצחק אברהם תקיף. דאכט זיך ער האָט גענוג איינגעלייגט א וועלט, גענוג אָנגעזויגט זיך מיט אידיש בלוט, געוואָרען א גביר אדיר, גענוג קרבנות אומגעבראכט. דריי מענשען האָט ער גע־פטרט, דיא ווייב האָט ער געוואָרפען, דיא היינ־טיגע יונגע לייט, דיא „בריות“ (דיא קענערס; האָט ער גע׳רודפ׳ט און וואָס קומט שוין איהם ארויס פון זיין גרויס עשירות? זעהט וויא פול ער איז מיט חרטה, מיט וואָס פאר א ביטערן גע־מיטה ער שטארבט דאָס איצט אוועק פון דער וועלט? ער וואָלט שוין איצט וועלען כאפען צוריס אָבער עס איז שוין פערפאלען. איין זאך נאָר איז איהם פערבליבען צו טהאָן—שטארבען ווי א מענש. און זעהט, איהר נגידים, שטארבט כאָטש אויך וויא מענשען אויב איהר קענט ניט לעבען וויא מענשען.

און דער מוסר איז זעהר א שטארקער, א ברענענדיגער. עס איז ידוע אז דער קעלעמער פלעגט האָבען א גרויסע פעולה אויפן עולם ווען ער פלעגט זיי ברייננגען א גרוס פון יענער וועלט, פון גיהנם. יצחק אברהם תקיף׳ס מוסר און התראה קומען אויך פון יענער וועלט, פון טהרה ברעט, דערפאר מוז דאָס קלינגען אזוי שרעק־ליך, דערפאר מוז דאָס דערוועקען דיא פערשלאָ־פענע מענשליכע געפיהלען פון אלע אנדערע קהל׳שע רוצחים.

דורך דער ערציילונג ווערן דורכגעוואָרפען א היבשע ביסעל פארשוינגען, אָבער א חוץ פיע־לייכט דעם העלד, איז ניטאָ קיין איין מענש וואָס זאָל געמאָהלען ווערן פון אינעווייניג, וואָס דער שרייבער זאָל אונז אריינפיהרען טיעף אין זיין געדאנקען און געפיהל־וועלט. אפילו דער העלד אליין ווערט געמאָהלען איין־זייטיג. דיא מעהר־סטע פארב ווערט פערגאָסען אויף זיין גייציג־קייט, אויף זיין יאָגען זיך נאָך געלד. זיינע מענש־ליכע געפיהלען ווערן אָבגעטעמפט אָדער אוועק־געמאכט אונטער דער האנד. און געמאָהלען איז נאָך אלעמען בלויז זיין לערן־צייט, דיא צייט ווען ער לערנט זיך ערשט זיין א תקיף, אָבער ניט ווען ער ווערט דאָס שוין.

גאָלדע, דיא צווייטע וויכטיגסטע פערזאָן, ווערט געמאָהלען אין דער ערצעהלונג נאָך שוואַ־כער און נאָך אלט־מאָדישער. איהר שיינקייט איז גאָר ניט קיין ערדישע, נאָר עפּעס וויא פון א מלאך. איהר גוטסקייט, קלוגקייט און האָרע־פאסנעקייט האָבען צו זיך אויך קיין גלייכען ניט. יצחק אברהם, דער פערדאָרבענער משרת און קאנדידאט אויף קהל׳שער רוצח, ווערט וויא בע־צויבערט נאָר פון איהר איין אָנבליק. ביי א יאָהר צייט ציהט איהם דיא ליעבשאפט צו

איהר וויא אַ מאַגנעט, און דאָך איז דאָס ניט קיין ליעבע, נאָר ליידענשאַפט. וואָס גאָלדע פיהלט ווען זיא האָט חתונה פאר יצחק אברהם'ן —כאָטש זי קען נאָך ניט פערגעסען איהר מיכלען, כאָטש זיא פערדעכטיגט אַביסעל איהר נייעם העלפען מיט געלד, און צוויטענס, ווען ער גיט איהר דעם גט און זאָגט איהר, אַז אויב זיא וועט איהם ניט דערקוטשען וועט ער איהר צובּיסלעך געבען געלד.

אָבער אויב דיא וויכטיגסטע פערזאָנען פאר



שלום יעקב אבראמאָוויטש
(מענדעלע מוכר ספרים.)

חתן, און כאָטש זיא פיהלט אַז ער איז צו גראָב פאר איהר — וואָס גאָלדע פיהלט ווערט ניט גע־מאָהלען. עטוואָס העל ווערט בלויז פאָרגע־שטעלט איהר שטאָליז, ערשטענס, ווען יצחק אברהם וויל איהר, נאָך פאר דער חתונה, פאר־וועלכע עס פאָדערט זיך אינעווייניגסטע צוגלי־דערונג, קומען ארויס שוואָך און דונקעל און דיא פּסיכאָלאָגיע אַזוי אָרעם, קומען אָבער דערפאַר דיא זייטיגע מענשען און דיא זייטיגע בילדער, וואו אַן אויבערפלעכליכע בעשרייבונג איז אויך

גענוג, אַרויס מערקווירדיג בולט און קלאָהר. יצחק אברהם'ס לעבען אלס משרת'ל אין אַ קלייט אלס שניידער אינגעל, אלס בעהעלפער ווערען דאכט זיך אייביג בלייבען אין דער אידישער ליטעראַטור אלס פאַרשריבענע טראַגעדיעס פון די יסורים און גלגולים פון אַן אָרימען אידישען אינגעל אין ליטע און אין פּוילען אין יענע צייטען און אפשר נאָך היינט אויך.

אַזוי וויא כמעט אימער אין אַבראַמאָוויטשעס ווערקע אַזוי אויך אין „קליין מענשעלע" שפּיעלט מענדעלע מוכר ספרים אַ היבשע ראָליע. אַלס כאַראַקטער, ניט אַלס דער פּערפאַסער, נאָר אַלס בעשאַפענער כאַראַקטער, — בעוועגט ער זיך צוזאַמען מיט דיא העלדען, איז איינגעקנעפּעלט אין דער געשיכטע, און האָט זאָגאר דיא זכיה דערמאָנט צו ווערן אין יצחק אברהם'ס צואה. מילא, דאָס וואָלט נאָך אפשר געוועזן צו דערליידען אָבער פיעל ערגער איז דאָס וואָס מענדעלע, אָדער ריכטיגער אברראַמאָוויטש, כאַפּט זיך אַזוי אָפט אַריין צו דיא פאַרשוינען אין מויל און גיט זיי אַריין ווערטער, וועלכע זיי דאַרפען ניט און טאָרען ניט ריידען. ווערטער וועלכע זיי פערשטעהען ניט, נאָר דער מגיד אין אַבראַמאָוויטש'ען קען זיך ניט איינהאַלטען און מוז אויסשיסען מיט זיינע אַ חכמה, אַריינלאָזען אַ שפּילקע, אָבזאָגען אַ שטיקעל חקירה. דאָס נעהמט אַוועק פון דעם „קליינעם מענשעלע" נאָך אַ סך מעהר פון זיין ווערטה אלס ליטעראַרישע ווערק.

דער „ווינש פינגערל" (ליידער איז ער נאָך עד היום פערבליבען אונגעענדיגט. נאָר אפשר וואָלט דאָס גאָר געוועזן אונמעגליך צו ענדיגען וויא געהעריג איז), הגם ער איז פערפאַסט געוואָרען סך הכל מיט אַ יאָהר אָדער צוויי נאָכ'ן „קליין מענשעלע" איז שוין אַ גרויסער שריט פאָרווערטס. דאָ האָט שוין אַבראַמאָוויטש אַריינגעקוקט טיעפער אין דעם אידישען לעבען, און עס אַ סך אידעלער פערשטאַנען. ניט בלויז אויסערליכע פאָרמען מאָהלט ער דאָ, נאָר דיא טיעפסטע גלויבונגען, דעם אַלט־פרענקיש אידישען בליק אויפ'ן לעבען, די אידישע פאָלקספילאָזאָפיע און פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, אידישע לעגענדעס און איבערליפערונגען.

וואָס פאַר אַ גרויסער חילוק צווישען דיא שילדערונג פון יצחק אברהם'ס קינדהייט און צווישען הערשעלע'ס. דאָרטען זיינען געוועזן אַ סך אויסערליכע בעוועגונגען, ענדערונגען, פּאַסירונגען, דאָ זיינען דאָ אויך גענוג אויסערליכע פּאַסירונגען, הגם וויניגער וויא דאָרט, דערפאַר וויא פיעל מעהר הערצענס־ערייגניסע, וויפיעל גייסטיגע ערפאַהרונגען. דאָס בעסטע דאָרט ווערט בעשריבען, דאָ ווערט דאָס ערפאַרשט און געשילדערט. דאָס זעלבע איז אויך מיט דיא איבריגע מענשען פון דער ערציילונג, מיט דיא סצענעס, וועלכע זיינען אויסגעמאָהלט אין דעם הינטער־גרונד פון דער ערציילונג.

אָבער אויך דער „ווינש פינגערל" איז ניט פריי פון אַבראַמאָוויטשעס אַלגעמיינע פעהלערן. דער שונד־עלעמענט, דער פאַלש ראָמאַנטישער עלעמענט פון איבערראַשונגען און מעשה נסים קומט דאָך, וויא שוין פריהער אָנגעדייטעט, אַריין. דיא „שוואַרצע גבורה" געוועלטיגט נאָך מיט איהר פולער מאַכט.

דאָס זיינען אָבער בלויז קליינע קלייניגקייטען לגבי מענדעלעס — ריכטיגער אַבראַמאָוויטשעס — מישען זיך אומעטום, וועלכע ווידערהאָלט זיך אויך דאָ.

„פישקע דער קרומער" איז אַרויס אין 1869 מיט אַן ערך 4 יאָהר נאָכ'ן „ווינש פינגערל". „פישקע" איז אין איניגע הינזיכטען אַ שריט ווייטער אין אַבראַמאָוויטש'ס קאַריערע אלס שריפטשטעלער, אָבער אין אַ פּאָר אַנדערע הינזיכטען איז דאָס אויך אַ שריט צוריק.

הערר גר־צדק אין דער „אידישער פאַמיליע" דיינקט אַז „פישקע" איז דיא אַנדערע זייט פון „ווינש פינגערל", אַ שטייגער וויא דאָס ערשטע וואָלט געוועזן דיא אינעווייניגסטע פון אַ קויל, און דאָס צווייטע דיא אויסווייניגסטע פון דער זעלבער קויל. דער „ווינש פינגערל" שטעלט פאַר דיא רוחניות פון אידישען פאָלק; „פישקע" שטעלט פאָר זיינע גשמיות. מיר דאַכט אָבער, אַז ניט אין דעם בעשטעהט דער עיקר חילוק. דער עיקר חילוק בעשטעהט גאָר אין דעם, וואָס אין „ווינש פינגערל" איז הערשעלע דיא צענטראַלע פיגור מיט דעם אידישען המון אלס הינטערגרונד. אין „פישקע" איז דער המון דיא צענטראַל פיגור, און ר' מענדעלע, מיט אַלטערן', מיטן קרעטשמער, מיט דער קרעטשמערין זיינען דאָס דער הינטערגרונד. דער המון אין „הערשעלע" זיצט זיך אין דער היים, איינגעפלאַנצט אין זיין ערד, אין דער ערד פון זיינע עלטערן. אין „פישקע" איז דער זעלבער המון אונטערוועגנס, אָדער אין אַ גרויסער טומעלדיגער שטאָדט, אָבגעריסען פון דער היימישער ערד. עס איז דאַריבער ניט גאָר ריכטיג צו זאָגען, אַז אין „ווינש פינגערל" איז רוחניות און אין „פישקע" איז גשמיות. דאָס איז מעהר ניט וויא אַ פאַל, וואו אַ פלאַנצונג ווערט אַרויסגעריסען פון איהר ערד און איבערגעפלאַנצט ערגעץ אַנדערש. אַזאַ פלאַנצונג פערליערט אַלע מאָהל אַביסעל איהר פריהערדיגען פנים.

אויב מען דאַרף יאָ צוזאַמענבינדען „פיש־

קען“ מיט אבראמאָוויטש׳ס וועלכע ניט איז אַנדער ווערק, ראַן דארף מען זאָגען אַז „פישקע“ איז אַ מין צווייטע טהייל פון „קליין מענשעלע“.ביידע זיינען אין עצם בילדער פון אַ מענגע מענשען, פון אַ געזעמעל, און ניט פון איינצעלנע מענשען, און אַלס אַזעלכע זיינען זיי ביידע אויבערפלעכליך. אַ געזעמעל מענשען האָט בלויז איין נשמה, איין אינסטינקט. דעם אינסטינקט דארף מען איבערגעבען מאָהלענדיג דעם געזעמעל. אַ געזעמעל מענשען אַז מען מאָהלט דארף מען ניט געבען קיין גענויע בילד פון יעדען בַעזונדער, מען דארף זיי אַלעמען צוזאַמענפלעכטען אין איין קוילעטש. דעריבער איז דאָס „פישקע“ ניט אַזוי עדעל, ניט אַזוי טיעף, ניט אַזוי רוחניות׳דיג וויא דער „ווינש פינגערל“. דיא קונסט, וואָס גיט זיך אָפּ מיט מאָהלען געזעמלען איז אַ אויבערפלעכליכער סאָרט קונסט איידער די וואָס מאָהלט בעזונדערע מענשען. די טיעפקייט פון „ווינש פינגערל“ פעהלט אין „פישקען“. קיין פראַגע ניט, אַז פישקע׳ס געשטאַלט קומט ניט צו הערשעלע׳ס. ניט ווייל יענער איז עדעלער. פישקע איז אויך ניט גראָב, כאָטש ער איז אַן אונטערשמייסער אין אַ באָד און געהט אום איבער דיא הייזער. נאָר דערפאַר, וואָס פישקע רעדט מעהר איידער ער פיהלט און דענקט, און הערשעלע פיהלט און דענקט מעהר איידער ער רעדט. הערשעלע פיהלט און דיינקט פון סאַמע קינדהייט אָן; מיט פישקע׳ס געפיהלען בעקענען מיר זיך ערשט ווען זיין טראַגעדיע פאַנגט זיך אָן. פישקע לעבט אויסערליך, זיין לעבען וויקעלט זיך פאַנאַנדער, אַזוי וויא זייד אָדער טול אַרום אַ קלעצעל, אַרום דיא פיעלע פאַסירונגען וואָס קומען מיט איהם פאָר, עס שפּריצט אַרויס אין דרויסען אַזוי וויא אַ קינסטליכער פאָנטאַן, און דיא טראָפּענס ווערען באַלד צורונען, הערשעלע׳ס לעבען גראָבט אינעווייניג אַזוי וויא אַ ווילדער אונטער־דרערדיגער קוואַל און צופלייצט זיך, הגם אומגעזעהען פארן אויבערפלעכליכען אויג, ווייט איבער אַ מורא׳דיגען שטח.

פאַר דיא פינף יאָהר זינט דעם „קליין מענישעלע“ זיינען אַבראַמאָוויטשעס געצייג אַ סך קרעפטיגער און פיינער געוואָרען. דיא פאַרב איז געוואָרען קלעהרער, לויטערער; דער פּינזעל, דעליקאַטער, ווירקזאַמער. אַלס בילדער פון אַ דרויסענדיגען, אויבען־אויפיגען, מעהר ממשות׳דיגען לעבען, וועט דער „קליין מענישעלע“ זיין אַנטקעגען „פישקען“ וויא אַ גאַלעריע פון בלויז אויסגעהובלעוועטע פיגורען אַנטקעגען אַ גאַלעריע וואו דיא פיגורען זיינען לויטער אויסגעטאָקטע.

„פישקע“ איז ביז אַ געוויסען גראַד אַ אידישע אידיליע, דאָס הייסט דיא מענשען לעבען דאָ אין דער נאַטור, זיא ווירקט אויף זיי און צוגיסט איבער זיי איהר השפּעה און זיי ווירקען אויף איהר. דאָס הייסט, זיי קליידען איהר אָן מיט אַ געשטאַלט גענומען פון זייער פאַנטאַזיע, פון זייערע אַלטע לעבענס־געוואָהנהייטען.

מענדעלע ווערט שטאַרק בעאיינפלוסט פון דער נאַטור. דיא זונן גיסט אַריין פרייד און לויטערקייט אין זיין נשמה. אָבער זיא בעקומט פון איהם אויך אַ נייעם געשטאַלט. דיא קלאָהרע זוניגע פעלד נעהמט אָן דעם געשטאַלט פון אַ מסית ומדיח, און דיא לבנה פערשטעהט זיך אויף גלות־שפּראַך.

דאָס איז ווידער אַ נייעס צום גוטען אין מענדעלע׳ס ווערק. אַנ׳אַנדער נייעס צום גוטען איז וואָס „פישקע“ איז אַ מעהר עפּישער מעהר אָביעקטיווער בילד. דער פערפאַסער האַלט זיך דאָ אַ סך מעהר אָן דער זייט איידער אין דיא צוויי פריהערדיגע ווערק. אַבראַמאָוויטש אַליין שווייגט דאָ כמעט אין גאַנצען. מענדעלע, אמת, רעדט יא, אָבער דערפאַר איז דאָ ר׳ מענדעלע גאָר ניט דער זעלבער, וויא אַבראַמאָוויטש. ער איז אַ גאַנץ בעזונדערע געשטאַלט פון ם פערפאַסער, און ער איז אויך איינער פון דיא העלדען פון דער ערצעהלונג. ביז וואַנען פישקע קומט ניט אַרויס אויף דער סצענע, שפּיעלט ער דיא הויפּט־ראָלע, און אַפילו דערנאָך פאַרנעהמט ער נאָך אַלץ אַן אָרט אויף דער ביהנע.

ממילא קומט שוין אַרויס, אַז וויבאַלד אַבראַמאָוויטש אַליין שווייגט צו, איז אין „פישקען“ דאָ אַ סך ווייניגער מגידות וויא אין דיא פריהערדיגע ווערק. דיא ערצעהלונג געהט מיט מעהר סדר, מיט מעהר טאָלק, ניט אַזוי צוּוואָרפען, צופיצעלט, וויא אַ מגיד׳ס דרשה. דערפאַר אָבער, ווייל אַבראַמאָוויטש האָט זיך דאָ פאַרנומען צו דערצעהלען אַ „גאַנצע געשיכטע“, איז דער שונד־עלעמענט אַ סך שטאַרקער. פלוצלונגע סיבות, טרעפונגען און מעשה נסים זיינען דאָ אויסגעשאָטען גאַנצע הויפענס־וויז.

(שלוסס פאָלגט).

דיא אלטע און דיא נייע יוניאנס*)

דיא פארגעשיכטע פון „אינדאסטריעל“.

פיעלע מענשען, וועלכע זיינען ניט אזוי גוט בעקאנט מיט דיא טרייד־יוניאניסטישע בעוועגונג פון אמעריקא, בעטראכטען דיא בעוועגונג פון דיא „אינדאסטריעל“ אלס דעם נייעם „מלאך הגואל“, וועלכער וועט ארויספיהרען דיא ארבייטער פון אלערליי מצרים׳ס און מיט זיי ארײנמארשירען גלייך אין דיא סאציאליסטישע געזעלשאפט. זיי בעטראכטען דיעזע בעוועגונג אלס דעם ערשטען פערזוך צו בעפרייען דיא ארבייטער פון דעם פערדערבליכען איינפלוס פון דיא „אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר“. און, אזוי וויא דיא גרינדער און פיהרער פון דיעזע בעוועגונג זיינען אלע סאציאליסטען, איז פאר זיי קיין צווייפעל ניט, אז אונטער זייער איינפלוס וועט דיא גאנצע ארבייטער־בעוועגונג דורכגעדרונגען ווערן מיט דעם סאציאליסטישען גייסט און דער סאציאליזמוס וועט געווינען איין טריאומפף נאך דעם אנדערען.

דער חשבון איז אפילו א גאנץ גלאטער, אבער ווען מיר קוקען זיך צו אביסעל נעהענטער צו דיא פאקטען זעהט דיא זאך גאנץ אנדערש אויס.

דער פערזוך צו מאכען אין איין „בין השמשות“, קלאסענבעוואוסטע סאציאליסטען פון אלע טרייד יוניאנס איז יעצט שוין ניט מעהר קיין נייעס פיר דיא, וועלכע זיינען גענוי בעקאנט מיט דיא טרייד־יוניאן בעוועגונג אין אמעריקא.

דאס אומגליק מיט דיא יעניגע וועלכע זיינען אזוי שטארק בעגייסטערט פיר דיעזע „נייע בעוועגונג“, איז וואס זיי ווילען דורכאויס פערגלייכען דיא אמעריקאנישע טרייד־יוניאן בעוועגונג מיט דיא דייטשע. דער אמת אבער איז, אז ס׳איז אונמעגליך צו מאכען אירגענד וועלכען פערגלייך צווישען דייטשלאנד און אמעריקא אין דיעזער הינזיכט. אין דייטשלאנד האט דיא סאציאליסטישע בעוועגונג בעשאפען דיא טרייד־יוניאנס.

דיא סאציאליסטישע בעוועגונג איז דארט עלטער. דיא צאהל סאציאליסטישע וועהלער איז עד היום גרעסער איידער דיא צאהל טרייד־יוניאניסטען. אויך שפיעלען דיא סאציאליסטען דארט א פיעל גרעסערע ראלע אין לאנד, פאלגליך איז גאנץ נאטירליך, וואס די געווערק־

*) אין יאנואר־העפט פון „צוקונפט“ האבען מיר געעפענט א דעבאטע איבער דיא שטרייטפראגען אין דער אמעריקאנער יוניאן־בעוועגונג מיט א׳נאר־טיקעל פון גענ׳ דעבס, וועלכער איז איינער פון דיא גרינדער און פייערדיגסטער פארטהיידיגער פון דער נייער „אינדאסטריעל“ בעוועגונג.

גענ׳ יאזעף באראנדעס איז דער ערשטער צו פארטהיידיגען דיא „אלטע יוניאנס“, זעלבסטפערשטענדליך, אז אין אזא דעבאטע ווערן ארויסגעשטעלט בעהויפטונגען, וועלכע געפעלען דעם אנדערן צד ניט. פאר דיא בעהויפטונגען איז פעראנטווארטליך נור דער שרייבער. „דער אנדערער“ צד קען באנוצען דיא „צוקונפט“ פאר א ענטפער. דיא דעבאטע איז אפען.

(דיא רעד).

שאַפטען זיינען דאָרט פון אָנפאַנג אָן אָרגאַניזירט און געפיהרט געוואָרען פון סאָציאַליסטען און זיינען געוועזן אין גייסט סאָציאַליסטיש. כאָטש אָפיציעל זיינען זיי עד היום אפילו דאָרט נייטראַל און געהערען אָפיציעל צו קיין פּאַרטיי ניט. אויסער דעם עקזיסטירען אין דייטשלאַנד יוניאָנס פון אַנדערע פּאַרטייען: פון דיא ליבעראַלען (הירש יונקערשע) פון דיא קאַטהאָליקען, פון דיא פּראָטעסטאַנטען.

דיא שאַפונג פון אַן אונאַבהייננגיגע טרייד יוניאָניסטישע בעוועגונג אויף דעם דייטשען באָדען האָט, זעלבסטפערשטענדליך, געמוזט ווערען, אַ פערראַטה געגען דיא אַרבייטערקלאַסע.

דאָ, אין אַמעריקאַ, זיינען דיא אומשטענדען גאַנץ אַנדערע. דיא טרייד יוניאָניסטישע בעוועגונג איז דאָ אַלט אונגעפעהר אַנדערטהאַלבען יאָהר־הונדערט, וועהרענד דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג, אין איהר אָרגאַניזירטע פאָרמע, איז קוים אַלט 25־20 יאָהר.

נאָך איידער עס איז געוועזן אַ אַהנונג וועגען אַ סאָציאַליסטישע בעוועגונג, האָבען שוין דאָ דיא יוניאָנס געהאַט זייערע מאַרטירער און אָפּפער, וועלכע האָבען געוויס קיין גלייכען ניט אין אונזער יעצטיגער סאָציאַליסטישע בעוועגונג.

עס איז, דוכט זיך, קלאָהר, אַז ניט האָבענדיג דיא זעלביגע חזקה אויף דיא טרייד־יוניאָניסטישע בעוועגונג, וועלכע דיא סאָציאַליסטען האָבען אויף איהר אין דייטשלאַנד, האָבען מיר געדאַרפט זיך אַריינוואַרפען אין דיא טרייד־יוניאָניסטישע בעוועגונג מיט לייב און לעבען, ערשטענס דערפאַר, ווייל דער פּלאַץ פון אַ סאָציאַליסט איז אין דיא טרייד יוניאָן, און צווייטענס, דערפאַר, ווייל נאָר דורך דיא בעשטענדיגע לייסטונג פון הילפע און פריינדליכע אויפקלעהרונג קענען מיר ערוואַרטען צו געווינען דיא גרויסע אַרבייטער מאַססען פיר׳ן סאָציאַליזמוס.

אנשטאָט דעם האָבען מיר אָנגענומען דיא טאַקטיק "מאַכען שבת פאַר זיך„. מיר האָבען דיא יוניאָנס אַטאַקירט, מיר האָבען זייערע ערוועהלטע פיהרערס בעצייכענט אַלס "פייקירס„ און דערנאָך האָבען מיר פון זיי געפאָדערט, אַז זיי זאָלען ווערען מיטגליעדער פון דיא ס. ל. פּ. און שטימען פאַר איהרע קאַנדידאַטען.

מיר זיינען אָבער דערביי אַליין ניט געבליעבען שטעהן; אָנקלאָגענדיג דיא "סענטראַל לייבאָר„ פון נויאָרק, — דעם גרעסטען שטעדטישען צענטראַל פערבאַנד פון טרייד־יוניאָנס, — אַז ניט אונטערשטיצענדיג דיא ס. ל. פּ. איז ער אַ וועיק־צייג אין דיא הענד פון קאַפּיטאַליסטען, האָבען מיר אָנגעצייגט מיט שטאָלץ אויף דיא "דייטשע געווערקשאַפטען„, אַ צענטראַל פערבאַנד פון דייטשע און אידיששפּרעכענדע יוניאָנס, וועלכער איז געוועזן אין אונזערע הענד כחומר ביד היוצר.

דיא „סענטראַל לייבאָר יוניאָן" האָט אונז בעשולדיגט אין אונאָרענטליכקייט. איהר פּרעדיגט: „אַרבייטער אַללער לענדער פעראייניגט אייך„ און צום סוף צערשפּליטערט איהר דיא קרעפטע פון דיא אָרגאַניזירטע אַרבייטער, דאַדורך וואָס איהר האָט אָבגעטהיילט אונזער דייטשע און אידישע מיטאַרבייטער אין אַ בעזונדער קערפּערשאַפט. ווען מיר ווילען ערלויבען, אַז דיא דייטשע און אידישע אַרבייטער זאָלען זיך אָבטהיילען פאַר זיך, דאַן ווילען זיך דיא איירישע, ענגלישע און אַלע אַנדערע אַרבייטער, וועלכע שטאַמען אָב פון פערשיעדענע נאַציאָנאַליטעטען, — אַלע ווילען זיך אָבטהיילען יעדע פאַר זיך און אויף אַזאַ אופן וועט דיא גאַנצע ביסעלע אַחדות, וועלכע דיא אַמעריקאַנישע אַרבייטער האָבען זיך ערקעמפּפט אים לויף פון פיעלע יאָהרען אין גאַנצען פערניכטעט ווערען.„

אויף אַזאַ אופן האָט זיך אָנגעפאַנגען דיא עפענטליכע פיינדשאַפט פון דיא אַמעריקאַנישע טרייד יוניאָנס צו אונזער סאָציאַליסטישע בעוועגונג.

מיר זיינען געבליעבען ביי אונזער טאַקטיק און דער רעזולטאַט איז געוועזן, אַז אין יאָהר 1889 האָבען מיר זיך אָבגעטהיילט אין גאַנצען פון דיא "סענטראַל לייבאָר יוניאָן„ און האָבען זיך אָרגאַניזירט אונטער דעם נאָמען "סענטראַל לייבאָר פעדערייששאָן„. אין דיעזע קערפּערשאַפט האָבען מיר זיך געפיהלט גאַנץ בעקוועם. צו דיעזען "טרייד יוניאָן„ פערבאַנד האָבען, אַ חוץ יוניאָנס אויך בעלאַנגט סעקציאָנען פון דיא סאָציאַליסטישע אַרב. פּאַרטיי און סאָציאַליסטישע עדיוקיישיאָנאַל סאָסייעטיס. דאָרטען האָבען מיר אינדאָסירט אונזערע קאַנדידאַטען און אַלעס איז געוועזן אגיל ואשמח, נאָר אַז ס׳איז געקומען צום צעהלען דיא שטימען, האָט מען דיא אַרבייטער׳ס שטימען געטראָפען איבעראַל, נאָר נישט ביי אונז.

מיט אַמאָל האָבען מיר זיך אַרומגעזעהען, אַז "דיא אַמעריקאַן פעדערייששאָן אָוו לייבאָר„ מיט איהר מיליאָן מיטגליעדער, וועלכע האָבען דאַן צו איהר בעלאַנגט, שטעהט עלענד וויא אַ יתום. דער "פייקיר„ גאָמפּערס, טהוט דאָרט וואָס ער וויל און ס׳איז ניטאָ ווער עס זאָל אויף איהר אַכטונג געבען, און נון איז געוואָרען אונזער קריעגס־געשריי: "אַריין אין דיא אַמעריקאַן

זירען אין סאָציאַליסטישע יוניאָנס און אַלס אַזעלכע זיך נאַכהער אנשליסען אַן דיא סענטראַל לייבאָר פעדעריישאָן. אום צו זיין קאָנזעקווענט, האָבען מיר נישט אַנערקענט דיא סטרייקס פון „פייקערס“ און, אים נאָמען פון אונזערע הייליגע פרינציפּען זיינען מיר פערבליעבען אַרבייטען דאָרט וואו דיא פעדעריישאָן יוניאָנס האָבען געסטרייקט. און, זעלבסטפערשטענדליך, אַז ווען מיר זיינען געגאַנגען סטרייקען זיינען דיא פעדעריישאָן יוניאָנס פערבליעבען אַרבייטען. מיר האָבען דיא "פייקירס„ וויא געהעריג פערדאַמט, אָבער דיא צושטענדע זיינען דאַדורך ניט געענדערט געוואָרען. וויא מיר האָבען געדיינקט, אַז מיר האָבען רעכט, דער פאַקט קען אָבער דאָך ניט אָבגעשטריטען ווערען, אַז פּראָפיטירען דערפון האָבען אַלע, נור ניט דיא אַרבייטער.

. אום צו דערלאַנגען דיא "פייקירס„ דעם לעצטען טוידט־קלאַפּ, האָבען מיר געשיקט גענאָסע לוסיען סעניעלס, אַלס דעלעגאַט פון דיא ריינע, אמת׳ע טרייד־יוניאָניסטישע סענטראַל לייבאָר פעדעריישאָן צו דער פייקערישע אמ. פעד. אָוו לייבאָר, ער זאָל זיי לערנען דרך ארץ.

דיא סאָציאַליסטיש־געזאָנענע דעלעגאַטען, אונטער דיא פיהרערשאַפט פון לוסיען סעניעלס, האָבען זיך בעמיהט צו בעווייזען, אַז דיא ס. ל. פּ. איז ניט קיין פּאָליטישע פּאַרטיי, אין דעם איינפאַכען זינן פון וואָרט, זאָנדערן אַז זיא איז אַן אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָן, און אַלס אַזעלכע איז זיא בערעכטיגט צו זיין פערטראָטען אין דיא פעד. אָוו לייבאָר. נאָך אַ העפטיגער דעבאַטע, וועלכע האָט פערנומען מעהר וויא אַ גאַנצען טאָג, וואו מיר האָבען געשטורעמט איין פייקערישע פעסטונג נאָך דיא אַנדערע, בעווייזענדיג וויא נויטווענדיג עס איז פאַר דיא פייקערס אַז מיר זאָלען ביי זיי זיין פערטראָטען, אום מיר זאָלען זיי קענען אויסראַמען פון דיא פעד. אָוו לייבאָר, האָבען מיר געהאַט 535 שטימען פיר דיא צולאַסונג פון סעניעלס און, סך הכל 1699 שטימען דאַגעגען. סעניעלס האָט פערלאָזען דעם לאָקאַל מיט דער בעמערקונג, אַז פון יעצט אָן און ווייטער פאַנגט אָן דער קאַמפּף געגען דיא פייקירס אויף מעסער און דער קאַמפּף וועט אַזוי לאַנג אָנהאַלטען ביז וואַנען עס וועט ניט איבערבלייבען קיין שריד ופליט פון גאָמפּערס׳עס פעדעריישאָן.

אין 1893, ווען די קאָנווענשאָן פון די אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר האָט שטאַטגעפונדען אין שיקאַגאָ, זיינען מיר ווידער געקומען צו דיא "פייקירס„ און מיר האָבען פאָרגעשלאָגען דעם בעריהמטען "אַמענדמענט 10„ צו דיא קאָנסטיטוציאָן פון דיא פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, אין וועלכען דיא פעדעריישאָן אָוו לייבאָר ערקלעהרט זיך פיר דיא קאָלעקטיווע אייגענטהום פון אַלע מיטלען דער פּראָדוקציאָן און אַלע רייכטהימער, קורץ און גוט — סאָציאַליזמוס. אום אָבער דיא פייקערס זאָלען ניט האָבען אַליין דיא גאַנצע דעה איבער דיעזען זעהר וויכטיגען פּונקט, האָבען מיר פאָרגעשלאָגען אַ רעזאָלוציאָן, אַז דיעזע פראַגע זאָל איבערגעגעבען ווערען צו אַ רעפערענדום־וואָוט פון אַלע איינצעלנע מיטגליעדער פון דיא פעדעריישאָן אָוו לייבאָר. "פייקערס„ וויא זיי זיינען, האָבען דיא דעלעגאַטען געשטימט פיר אַ רעפערענדום־וואָוט און אונזער שמחה פון דעם זיעג איבער דיא פייקערס האָט ניט געהאַט קיין גרענעץ.

וואַרטענדיג מיט דער גרעסטער אונגעדולד אויף דעם רעזולטאַט פון רעפערנדום־וואָוט פון דיא מיטגליעדער פון דיא פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, האָבען מיר דערווייל, אויף אונזערע מיטינגען און אין אונזער פרעססע געשאָטען פעך און שוועבעל אויף דיא פייקערס ווארום זיי האָבען גאָמפּערסען ווידערגעוועהלט. אין דערזעלבער צייט האָט עפּעס אַנדערעס פּאַסירט. דעליאָן האָט אַרויסגעשטופּט סעניעלס פון זיין פעדעריישאָן אָוו לייבאָר און לאָמיר פון דאָרט אַרויסטרייבען דיא פייקירס !„

אום צו זיין ביכולת אויסצוראַמען דיא "פייקירס„ פון "אַמ. פעד. אָוו לייבאָר„ האָבען מיר זיך געמוזט ווענדען צו דעם "פייקיר„ גאָמפּערס, דעם פּרעזידענט פון דיא "פערפייקירטע„ פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, פאַר אַ טשאַרטער און, וויא ס׳איז געוועזן צו ערוואַרטען, האָט גאָמפּערס מבטל געוועזן אונזער אַפּליקיישאָן פיר אַ טשאַרטער אויף דעם גרונד, אַז דיא קאָנסטיטושאָן פון דיא "אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר„ פערביטעט צו בעווילליגען אַ טשאַרטער צו אירגענד וועלכע קערפּערשאַפט, וועלכע ענטהאַלט אין איהר מיטען אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן. און, "פייקיר„ וויא ער איז געוועזן, האָט ער פון דעסטוועגען ערקלעהרט, אַז ער וועט דעם טשאַרטער בעווילליגען אויף דיא בעדינגונג, אַז דיא ס. ל. פּ. סעקציאָנען זאָלען זיך צוריקציהען פון דיא צענטראַל לייבאָר פעדעריישאָן.

דאָס האָבען מיר ניט געוואָלט. נאָכגעבען גאָמפּערסען? אַ מכה! מיר האָבען זיך בעשלאָסען צו צייגען דער "אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר„ ווער ס׳איז עלטער. דערווייליע, האָבען מיר אויפגעפּאָדערט דיא סאָציאַליסטיש געזאָנענע אַרבייטער זיי זאָלען זיך אָבטהיילען פון דיא אַלטע פייקערשע יוניאָנס און זיך אָרגאַני־

שטעללע אַלס רעדאַקטאָר פון "פּיפּעל„. דיא מייסטע גענאָסען זיינען געווען שרעקליך ענטריסטעט פאַר דעם און דעליאָן האָט אַרויסגעזעהען אַז מען מוז פערשאַפען אַ כסא הרבנות ערגעץ אַנדערש פאַר סעניעלס. און, גראַדע וויא געוואונשען, האָט זיך דיא געלעגענהייט געפונען. דעליאָן איז געוואָרען אַ מעמבער פון דיא "נייטס אָוו לייבאָר„. ער האָט אָנגעגעבען אין נדן דיא אידישע שניידער־יוניאָנס, וועלכע ער האָט געהאַט אין וועסט־פּאַקעט באופן, אַז סעניעלס זאָל קריגען דיא רעדאַקטאָר־שטעללע אין דעם אָפיציעלען אָרגאַן פון דיא נייטס אָוו לייבאָר. פּאַודערלי, וועלכער איז דאַן געווען מייסטער וואָירקמען פון ק. אָוו ל., איז פערדאַמט געוואָרען אַלס פייקער און אַזוי וויא פון הימעל איז אַרונטערגעפאַלען „גענאָסע" סאַוורין, אָדער גערויכערטער פּאָליטישען; אַן עקס לייבאָר קאָמישיאָנער אַפּאָינטעד פון אַ דעמאָקראַטישען גאָווערנאָר, — איהם האָט דעליאָן אויפגעכאַפּט אַלס דעם נייעם משה, וועלכער זאָל דיא אַמעריקאַנישע אַרבייטער צופיהרען צום סאָציאַליזמוס.

וועט איהר דאָך וועלען פרעגען: היתכן? זאָלט איהר זיך מטריח זיין איבערצולעזען דעליאָן'ס אייגענע ערקלעהרונג דעריבער אין זיין אייגענעם "פּיפּעל„ אונטער דעם דאַטום פון דעצעמבער דעם ערשטען 1895. דאָרט וועט איהר זעהן, אַז דעליאָן האָט געפּושט סאַוורין'ען.

אין פיעלע זאַכען האָט זיך אפילו דעליאָן מיט זיין קראָקערשע קראַפּט געטוישט, אָבער אַז ער האָט געהאַט דיא אידישע שניידער־יוניאָנס אין זיין וועסט־פּאַקעט, אין דעם האָט ער קיין טעות ניט געהאַט. דורך דיעזע יוניאָנס און אַנדערע קליינע אונבעדייטענדע יוניאָנס, איז איהם געלונגען צו קריגען אַ מאַיאָריטעט אין דיסט. אַססעמבלי 49 ק. אָוו ל., וועלכע האָט געהאַלטען ביי דיא גסיסה און האָט נאָר געלאָזט הערען פון זיך, ווען זיא האָט גע'כשר'ט סקעבס וואָס פלעגען פערנעהמען די פּלעצער פון סטרייקער פון דיא פעדעריישאָן.

אַצינד, אַז זיי האָבען נאָך געקראָגען דיא הסכמה פון דיא "וויססענשאַפטליכע„ צום סקעבען, זיינען דיא חברה־לייט גאָר געווען אין זיעבעטען הימעל.

דערווייל האָט מען געבראָכען איין סטרייק נאָך'ן אַנדער'ן און אונזער פּרעססע האָט מחרים געווען יעדען סטרייק פון דיא פעדעריישאָן אַלס מעשה שטן וועלכען עס איז אַ מצוה מבטל צו זיין. דיא „ריינק און פייל" פון דיא פעדעריישאָן זיינען געוואָרען ערביטערט ביז אויף דאָס אויסערסטע און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ביי דיא נעכסטע קאָנווענשאָן פון דיא אַמעריקאַן פעד. אָוו לייבאָר, אין דענווער, האָבען דיא דעלעגאַטען בעריכטעט, אַז זייערע יוניאָנס האָבען זיי אינסטרואירט צו שטימען געגען דעם "פּונקט 10„.

דערווײלע האָט זיך אָבער "גענאָסע„ סאַוורין אַרומגעזעהען, אַז ער דאַרף דעם דזשאָב פון רעדאַקטאָר פאַר איינעם פון זיינע "ברידער„, אויף וועמען ער קען זיך פּאָזיטיוו פערלאָזען, האָט סעניעלס דעם דזשאָב ניט געקראָגען און דעליאָן האָט אונז בעפוילען צו שרייען בקול רם, אַז סאַוורין איז אויס גענאָסע און, אַז דיא ק. אָוו ל. איז ניט מעהר דיא כשר'ע אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע זיא איז געווען און אַז אַז סאַוורין אַי גאָמפּערס זיינען פייקערס און אַז אַי דיא אַ. פ. אָוו לייבאָר, אַי דיא ק. אָוו ל. דאַרפען געמאַכט ווערען תחת חרב און זייער פּלאַטץ דאַרף פערנעהמען אַן עהרליכע "ציעלבעוואוסטע, קלאַססען־בעוואוסטע אָרגאַניזאַציאָן„.

אַ נייע, אַ שפּאָגעל נייע סאָציאַליסטישע טרייד־יוניאָן, וועלכע זאָל קענען אַריינגעהמען תחת כנפי השכינה דיא 20 מיליאָן אַרבייטער פון אַמעריקאַ.

און, אונזער גענעראַל האָט אויסגעשריען זיין נייע קאָמאַנדאַ:

"אַרויס פון דיא פעדעריישאָן, אַרויס פון דיא קנייטס אָוו לייבאָר, און אַריין אין דיא סאָשעליסט טרייד און לייבאָר אַלייענס. און מיר האָבען געענטפערט כולם בפה אחד: נעשה ונשמע!

יאָזעף באַראָנדעס.

וויא אזוי רעוואלוציאנען ווערען געמאכט

(וויא זייבען פאַרגעקומען רעוואָלוציעס אין מערב - אייראָפּא).

פון פ. אנמאן. (צווייטער טהייל).

(ארויסגעגעבען פון „בונד", 1905).

אויף דיא איינלאדונג פון'ם רעדאקטאָר האָב איך אָנגענומען צו שרייבען אַ רעצענזיע איבער דעם ביכעל פון פ. אנמאן וועגען דעם „וויא עס זיינען פאַרגעקומען רעוואָלוציעס". אָבער האָבענדיג איבערגעלעזען דעם ביכעל, ווילט זיך מיר שרייבען פיעל מעהר וויא אַ רעצענזיע. מיר ווילט זיך טהיילען מיט דעם לעזער דעם גייסטיגען פערגניגען, וואָס איך האָב גענאָסען לעזענדיג דאָס ביכעל; מיר ווילט זיך אויך ריידען פון דעם „בונד" אלס ארויסגעבער פון אידישע ליטעראטור.

מען רעדט זעהר פיעל פון דעם „בונד", מען קריטיקירט איהם פון אַלע זייטען: אייניגע לויבען איהם, אנדערע זידלען איהם, נאָך אנדערע ווילען איהם גלאַט אוועקמאַכען אונטער'ן האַנד. מיר איז אָבער נאָך וויייניג אויסגעקומען צו הערען עטוואס וועגען דיזע זייטע פון „בונד'ס" טהעטיגקייט. און דער „בונד", אלס פּאָבלישער האָט זיך גאָר ניט מיט וואָס צו שעהמען. ער האָט, פערקעהרט, פיעל אורזאַכען צו זיין שטאָלץ.

און מיר ווילט זיך יעצט נאָך מעהר ריידען פון דעם „בונד", ווייל אויף דעם ביכעלע שטעהט אייגענטליך אַ פאַלשע אדרעסע. איך ווייס ניט צו האָט דאָס דער פערפאַסער געטאָהן בכיון, צו ניט. דער אמת איז, אז דעם פערפאַסער איז גאָר ניט געגאַנגען אין דעם „וויא זיינען פאַרגעקומען רעוואָלוציעס אין מערב־אייראָפּא". וואָס ער האָט געוואָלט ארויסברייגגען, איז גיכער: „וויא אזוי זאָל מען מאַכען דיא רעוואָלוציע אין רוסלאנד?" דאָס ביכעל איז דורך דעם אין אַ געוויסען זינן אַ פּראָגראַם־ערקלעהרונג פון „בונד". און עס איז אַ פערגעניגען צו לעזען מיט וואָסער קלאָרקייט, פערשטענדניס און ציעלבעוואוסטזיין דער פערפאַסער, וויא דיא ארויסגעבער קוקען אויף זייער אויפגאַבע.

אום דעם לעזער צו געבען אַ שטיקעל בעגריף פון דיזע ארבייט, וויל איך ניט שרייבען קיין קריטיק, נאָר גיכער מאַכען אַ „פּירוש" אויף דעם ביכעל. און צוליעב דיזען צוועק וועל איך מוזען מהפך זיין דעם סדר. איך וועל מוזען טהון פונקט פערקעהרט וויא דער פערפאַסער האָט געטאָהן:

דער נאָמען פון דעם ביכעל איז: „וויא זייגען פאַרגעקומען רעוואָלוציעס אין מערב־אייראָפּא?" וויא שוין געזאָגט, איז דער נאָמען ניט ריכטיג. ביי דעם פערפאַסער האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ גאַנץ אַנדערע זאַך:

רוסלאַנד איז יעצט אין אַ רעוואָלוציאָנערען צושטאַנד. דיא רעוואָלוציאָנערען האָבען געליטען אַ גרויסע נידערלאַגע אין מאָסקווא. זיי האָבען אָבער אויך צו פערצייכנען וויכטיגע ערפאָלגען: דער ערשטער מאַניפעסט וואָס האָט בעשטימט דיא בוליגין „דומא" און דער מאַניפעסט פון דעם 30טען אָקטאָבער, וועלכער האָט דעם ערשטען מאַניפעסט פיעל פערבעסערט, זיינען וויכטיגע געווינסען פון דיא רעוואָלוציאָן. וואָס עס זאָל ניט פאָרקומען, רוסלאַנד האָט היינט ניט מעהר, און קען שוין מעהר ניט האָבען קיין זעלבסט־הערשער. דאָס איז זיכער. נאָך זיכערער איז אָבער אז די רעוואָלוציאָן איז נאָך ניט צו ענדע, און אז דיזע „קאָנסטיטוציאָן" וועט ניט צופריעדען שטעלען דאָס ערוואַכטע רוסישע פאָלק. מען וועט נאָך אלזאָ מוזען פיעל קעמפּפען. עס זיינען פאַראַן פילע פראַגען צו פערענטפערן, און עס איז נאָך דאָ פיעל ארבייט צו מאַכען.

וואָס איז דיא נעקסטע אויפגאַבע פון דער רעוואָלוציאָן? וויא דאַרף זיא זיך פיהרען? וואָס האָט זיא צו פערלאַנגען? וואָסערע אויפגאַבען שטעהן איהר פאָר? וואָסער שטעלונג דאַרף זיא נעהמען צו דיא פערשיעדענע אויפגאַבען? דאָס זיינען אייניגע פון דיא פראַגען, וואָס דער פערפאַסער האָט זיך געשטעלט. און ער ענטפערט אויף דיזע פראַגען אויף אַ מערקווירדיגען אופן: ער דערצעהלט שטיקלעך מעשות פון דיא פריערדיגע רעוואָלוציאָן. דיא מעשה'לעך זיינען

זעהר אינטערעסאנט, און האָבען, דאכט זיך, קיין שום שייכות ניט איינע מיט דיא אנדערע. ווען מען לעזט אָבער דאָס ביכעל מיט קאָפּ, זעהט מען וויא גוט דאָס בינדט זיך איינס מיט ס'אַנדערע, און וואָסערע שטעלונג דער „בונד“ נעהמט צו דיא רעוואָלוציאָן.

איך קען ביי זיך ניט פועל'ן צו לויבען דעם פּלאַן. מאנכעס מאָהל שיינט מיר, אז דיא געשיכטליכע וואהרהייט מוז אמאָהל ליידען, וויל עס איז אונמעגליך צו ציהען א גענויע פּאַראַלעלע פון דיא פריהערדיגע רעוואָלוציאָנען אין מערב־אייראפּא און דיא איצטיגע אין רוסלאנד. מען קען ניט גלאַט פערגלייכען דיא פאקטען פון דיא פריהערדיגע רעוואָלוציאָנען מיט דיא יעצטיגע פּאַסירונגען. וויא דיא מעשה זאָל אָבער ניט זיין, דער פּלאַן גופא איז אויסגעפיהרט מייסטערהאַפט.

לאָמיר געהן כסדר:

באַלד נאָך דעם ערשטען מאַניפעסט פון ניקאָלאַי אין וועלכען ער האָט „מיט גאָטעס גנאָדען“ בעשטימט א „דומא“ פאר רוסלאנד, נאָך איידער וויטטע איז געוואָרען מיניסטער, האָט זיך געשטעלט דיא פראַגע: זאָל מען זיך בעטהייליגען אין דיא וואהלען, אָדער זאָל מען באָיקאָטירען דיא גאנצע פערזעהענים פון א קאָנסטיטוציע? וואָס איז געשעהן נאָך דעם, ווייסען אונזערע לעזער: אין דיא צייט, ווען איניגע האָבען דיסקוטירט דיא פראגע, האָבען דיא ארבייטער אין פּעטערבורג, און נאָך זיי, אין פיעלע אנדערע שטעדט, ערקלעהרט אַן אַלגעמיינעם סטרייק. דער רעזולטאט איז געווען דער מאַניפעסט פון 30טען אָקטאָבער. פּ. אנמאַן האָט געשריבען זיין ביכעל פאר דיזע פּאַסירונג, ער האָט אַלזאָ ריכטיג פאָראויסגעזעהען, און ער הויבט אָן מיט דיזע פראגע: דאָס ערשטע קאַפּיטעל הייסט ביי איהם: „דיא רעגיערונג האָט אָנגעהויבען נאָכצוגעבען“.

אונטער דיזער אויפשריפט דערציילט ער אונז זעהר אינטערעסאנטע פאקטען, וואָס דיא רעגיערונגען אין עסטרייך און אין פּרייסען האָבען נאָכגעגעבען, און אונטער וועלכע אומשטענדען זיי האָבען נאָכגעגעבען. וואָס דיא „ליבעראַלע“ מיניסטאָרען האָבען אויפגעטאָהן, וויא מאנכע קיסרים האָבען זיך ענטזאגט און האָבען איבערגעגעבען דעם טהראָן צו דעם יורש עצר. דערביי מאכט ער אויך זעהר וויכטיגע בעמערקונגען.

„דיא ליבעראַלע בורזשואזיע“, שרייבט ער, „איז נאָך איהר עצם טבע שרעקעדיג, בעגרענעצט, געמעסיגט און מיט שטאָט. דאריבער... שטעלט זיא ארויס לאָזונגען העכסט געמעסיגטע, וויא למשל אָבשאפען איניגע שלעכטע גזירות, אָדער אָבזאָגען דעם אָדער יענעם געהאסטען מיניסטער...

„נידער מיט גיזא! — האָט זיא געשריען אין דיא ערשטע טעג פון דיא פעברואר רעוואָלוציאָן אין 1848טען יאָהר, און האָט מעהר ניט געקלעהרט וויא וועגען דעם, אז אנשטאט דער רעאקציאָנערער מיניסטערסטוואָ פון גיזא... זאָל דער קיסר בעשטימען א נייע ליבעראַלע מיניסטערסטוואָ.

„נידער מיט מעטערניכען! איז געווען דער לאָזונג פון וויענער בורזשואזיע אין 1848טען יאָהר — ניעדער מיט פלעהווע! האָט נאָך דאָ ניט לאַנג געשריען דיא ליבעראַלע „אָסוואָבאָזשדעניע“, האָבענדיג, בדעה „איינצושמועסען“ דעם צאַר, ער זאָל „שענקען“ א וועלכע ניט איז צרה'דיגע קאָנסטיטוציע“.

אזעלכע אונוויכטיגע און געמעסיגטע פאָדערונגען לוינט זיך ניט פאר דעם פּראָלעטאריאט. און אויב דאָס פּראָלעטאַריאַט פערגיסט זיין בלוט פאר אזעלכע קלייניגקעע, אונניציגע פאָדערונגען, בעווייזט דאָס נור, „אז זיין בעוואוסטזיין שטעהט א סך נידריגער פון זיין מוטה און גבורה. אָבער וואָס נידריגער עס איז דאָס בעוואוסטזיין פון א קלאַס, אַלץ קלענער איז זיין מאכט“.

אום צו פערהיטען, אז אין רוסלאנד זאָל אזעלכעס ניט פּאַסירען, אום צו פערהיטען, אז דיא רעוואָלוציאָנערען אין רוסלאנד זאָלען זיך ניט לאָזען בעאיינפלוסען פון דיא כלומרשט'דיגע ערפאָלגע, און זאָלען זיך ניט נאָכשלעפּען נאָך דיא בורזשואזיע, זאָגט אונז דער פערפאַסער ווייטער:

„עס פערשטעהט זיך, אז אויב דיא בורזשואזיע ווערט מלא שמחה, ווען מען פערבייט איין מיניסטער דורך דעם אנדערן, קען זיא פון אזא „נצחון“, וואָס דער פערהאסטער קיסר האָט זיך אָבגעזאָגט פון טהראָן, קריגען גאָר גרויסע התפעלות, פאר דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע האָט עס קיין שום ווערטה ניט, וואָס דער קיסר וועט זיך אָבזאָגען פון דעם טהראָן צוליעב זיין יורש עצר . . .

. . . דיא סאָציאַל דעמאָקראַטיע פון רוסלאנד האָט קלאָר און שאַרף ארויסגעשטעלט אין איהר פּראָגראַם - מינימום דיא פאָדערונג פון א דעמאָקראַטישער רעפּובליק. דאַריבער וועט זיא קיינע הנחות פון קיסר ניט אָננעהמען, וועט קיינע פּשרות ניט מאכען מיט דער מאָנאַרכיע. דער וועג פון

דער רעוואָלוציע, וועלכע וועט זיך דאָך
ערשט אָנהויבען נאכדעם, וויא די זעלבסט־
הערשונג וועט פערטיליגט ווערן, איז אויס־
געבעט ניט מיט בלומען, נאָר מיט שטעכי־
גע דערנער, נור קיין זאַך איז ניט אזאַ
שטערונג פאר איהר ווייטערע ענטוויקלונג,
וואַרפט ניט אונטער איהרע רעדער אזוי
פיעל שטיינער וויא דיא איבערגעבליבענע
מאָנאַרכיע. ניט ניקאָלאַי דער צווייטער,
ניט זיין „קאזאקען אַטאַמאַן“, ניט דאָס
גאַנצע געדעכעניס פון ראָמאַנאָוו׳ס הויז,
ניט אַ וועלכע ניט איז אַנדערע דינאַסטיע
קענען מעהר ניט קעניגען אין רוסלאַנד,
כאָטש אַפילו אלס קאָנסטיטוציאָנעלע מאָ־
נאַרכען... און דאַריבער איז א „צייטוויי־
ליגער רעגיערונג“, וועלכע מען האָט נאָך
גאָר ניט לאַנג געהאַלטען פאר א שפּעטע־
דיגער זאַך און וועגען וועלכער קיינער האָט
נאָך ניט גערעדט אין דער רעוואָלוציאָנע־
רער ליטעראַטור, איצטער געוואָרען אַ ברע־
נענדע פראַגע, וואָס האָט צוגעצויגען צו
זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט“.

ווען עס זאָל זיך אין רוסלאַנד איינגע־
בען צו שטירצען דיא זעלבסט־הערשאַפט און
איינפיהרען אַ רעפּובליק, און אונזער פּערפאַסער
צווייפעלט ניט אין דעם, הגם עס שיינט נאָך
צו זיין ווייט, איז נאָך דיא אויפגאַבע
ניט צו ענדע. דאן הויבט זיך ערשט אָן דיא
אמת׳ע ארבייט פון דער רעוואָלוציאָן און א
גאַנצע רייהע פון נייע פראַגען הייבען זיך אויף:
דיא רעגיערונג איז געשטירצט, דאָס לאנד איז
אין אונאָרדנונג, מען דאַרף בעשאַפען אַ נייע
רעגיערונגס מאַשין. ווער זאָל איינזעצען דיא
נייע רעגיערונג? ווער איז דאן דער בעל דעה אין
לאַנד? דאָס פאָלק! אָבער דאָס פאָלק מוז דאָך
האָבען אַ געלעגענהייט צו לאָזען הערען זיין
שטימע? ו.יא אַזוי זאָל דאָס געמאכט ווערען?
ווער זאָל פאָרבערייטען דיא וואַהלען? וואָסערע
וואַהלען זאָלען פאָרקומען? עס מוז אַלזאָ אויף
דיא שנעליגקייט געמאכט ווערען אַ רעגיערונג
אויף דערווייל, אַ צייטווייליגע רעגיערונגען, וויא
דער פערפאַסער רופט דאָס. פון וועמען זאָל בע־
שטעהן דיזע צייטווייליגע רעגיערונג? זאָל זיך
דיא אַרבייטער קלאַסע בעטהייליגען אין דיזע רע־
גיערונגען אָדער ניט? דאָס איז דער צווייטער
טריט וואָס מוז געמאכט ווערען, און אונזער
פערפאַסער גיט אויך בעשרייבונגען פון דיא
צייטווייליגע רעגיערונגען אין דיא פערשיעדענע
רעוואָלוציאָנען אין פערשיעדענע לענדער פון
מערב־איירָאפּא אין דעם לעצטען יאַהר־הונדערט.
אויף וואָסער אַנטהייל דיא סאָציאַליסטען האָ־
בען גענומען אין דיזע צייטווייליגע רעגיערונגען.

דיא פראַגען זיינען אָבער נאָך אַלע ניט
פערענטפערט. מיט יעדען נייעם טריט, קומען
נייע אויפגאַבען. דיא צייטווייליגע רעגיערונג
איז שוין דאָ. וואָס טהוט מען אָבער מיט דיזע
אַלע טויזענדע און צעהנדליגע טויזענדע בעאַמ־
טע און שרייבער, אייזענבאַהן און באַנק דירעק־
טאָרען וואָס האָבען געדיענט אונטער דיא
זעלבסט־הערשאפט? זאָל מען זיי אַלע איבערביי־
טען, אָדער ניט? וועט מען זיי אַלע אָבשאַפען
וועט אַרויסקומען אַ דאָפּעלטע צרה: 1) עס ווע־
לען אָנקומען אַ מאַסע ניט געניטע מענשען, וואָס
וועלען ניט וויסען וואָס צו טהון, און צווייטענס
וועלען דיזע אַלע צעהנדליגע טויזענדע ווערען
מיט געוואַלד אַריינגעטריבען אין דיא רייהען פון
דיא רעאקציע פון דיא קאָנטער־רעוואָלוציאָן,
זאָל מען זיי ווידער אַלע לאָזען, וועט מען זיך
מוזען רעכענען מיט אזאַ אונגעהייערע מחנה
מענשען וואָס האָבען זייער לעבען לאַנג געדיענט
דיא זעלבסט־הערשאַפט, וואָס פערשטעהען דאָס
געשעפט זעהר גוט, און אויף וועלכע מען קען
זיך בשום אופן ניט פערלאָזען. „ווייל איבערלאָ־
זען דיא פריהערדיגע בעאַמטע איז פשוט אַ
סכנה פאר דער רעוואָלוציע, ווייל דאָס מאכט
גרינגער צו פערווירקליכען דיא פלענער פון דיא
רעאַקציע... וועלכע פערליערט ניט אויף איין רגע
דיא האָפנונג ווידער אויפצוריכטען דיא גאַנצע
פריהערדיגע אָרדנונג... וויא גוט איז עס פאר
דיא רעאַקציע צו געפינען אומעטום... אַלטע בע־
קאַנטע מענשעלעך, וועלכע עס איז אַזוי גרינג
צו קויפען און וועמען עס גלוסט זיך אַזוי שטאַרק
אומצוקעהרען זיך צוריק צו דז׳ס „פערלוירענעם
גן עדן“.

אין דער צייט פון דער פאַריזער קאָמונע,
למשל, איז דער הילפס־דירעקטאָר פלעק געבלי־
בען אלס פערוואלטער פון דער פראַנצויזישער
באַנק. אין באַנק איז צו יענער צייט געלעגען נאָ־
הענט פון דריי מיליאַרדען פראַנק. אָבער פלעק
האָט דעם דעלעגאַט פון דער קאָמונע, „דעם
גוטהערציגען אינזשיניר בעלע“, אָבגעגעבען א
פאַלשען חשבון און האָט איהם איינגערעדט צו
ריהרען מעגליכסט ווייניג פון דיא געלד. און
„אין דער צייט ווען ער האָט אַרויסגעגעבען דער
קאָמונע מיט קרעכצענעס און אָכצענעס איין מי־
ליאָן, האָט ער איבערגעשיקט אין ווערסאַל 15
מיליאָן“ צו טיער, דעם פיהרער פון דער רעאַק־
ציע. מיט דיזע און נאָך אַנדערע פאַקטען פון
דיא פריהערדיגע רעוואָלוציאָנען, פּרופט דער
פערפאַסער צו פערענטפערן דיזע שווריגע
פראַגע.

ווען מיר האַלטען שוין אַזוי ווייט, קומט ערשט אַ נייע וויכטיגע פראַגע :

דיא רעאַקציע הערט ניט איין מינוט אויף צו פּלאַנעווען צוריק איינצופיהרען דיא אַלטע אָרדנונג. מען מוז זיך אַלזאָ בעוואָרענען, דער געוואונענער זיעג זאָל ניט פערלוירען געהן. „איינע פון דיא ערשטע פאָדערונג, וועלכע דאָס פּאָלק וואָס האָט מנצח געוועזן, שטעלט אַרויס דער אַלטער אָדער דער נייער, פון איהם אויפגעשטעלטער, צייטווייליגער רעגיערונג — איז. דערפאַר, „דיא פאָדערונג פון דיא פאָלקס בעוואַפנונג“. דאָס „פאָלק“ איז אָבער ניט קיין איינהייטליכעס פאָלק. דאָס זעלבע פאָלק וואָס האָט נור וואָס צוזאַמען געקעמפּפט געגען דעם אַלגעמיינעם שונא, געפינט באַלד אַרויס, אַז זיי אַליין זיינען צוטהיילט אין פערשיעדענע קלאַסען מיט פערשיעדענע אינטערעסען. עס קען גאַנץ גוט טרעפען, אַז דיא בורזשואַזיע זאָל זיך נעהמען שרעקען פאַר דעם צווייטען טהייל פון'ם פאָלק, פאַר דיא אַרבייטער קלאַסע. און זיי זאָלען זיך היטען צו בעוואַפנען דאָס גאַנצע פאָלק פאַר דאָס וועלען זיי אויפפּאַסען אַליין צו זיין גוט בעוואַפענט. דיזע פראַגע ווערט בעלויכטען מיט געשיכטליכע פאַקטען אונטער דעם אַלגעמיינעם אויפשריפט: „דיא בעוואַפנונג פון פאָלק“ (נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, בירגערליכע מיליץ) אין וועלכען עס ווערט דערציילט אינטערעסאַנטע פאַקטען. „ביי דער בעוואַפנונג פון פאָלק“, זאָגט אונז דער פערפאַסער „מוז מען זאָרגען דערפאַר, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל אָהן א שום תירוץ בעקומען געוועהר, און אַז דיא מיליץ זאָל זיין אָרגאַניזירט אויף אַ דעמאָקראַטישען יסוד, כדי עס זאָל זיך ניט אויסלאָזען מיט דער בעוואַפנונג פון דער בורזשואַזיע, קליין־בורזשואַזיע און שוואַרצע מאות“.

דיא אויפגאַבען פון דער רעוואָלוציע זיינען מיט דיזען נאָך ניט צו ענדע, דיא שוועריגקייטען זיינען נאָך ניט אַלע פערענטפערט. און יעצט קומט אַ נייע, אַ וויכטיגע, און אפשר דיא וויכטיגסטע פראַגע:

וואָס טהוט מען מיט דיא אַרבייטסלאָזע?

„דיא רעוואָלוציע מאַכט אָן אַ מורא'דיגען גערודער אין דיא עסקים, ברייגנט אַריין אין זיי אַ גרויסע מהומה. אויף דער סוחרישער און אינדוסטריעלער וועלט פאַלט אָן אַ פּחד. דער קורס פון דיא פּאַפּיערען פאַלט מורא'דיג געשווינד. באַנקראָטען, אָנזעצען, ניט צאָהלען אויף וועקסלען געהען איינע נאָך דיא אַנדערע. דיא אָנגעשראָקענע אייגענטהימער און פּראָצענטניקעס איילען זיך צו בעקומען צוריק זייערע הלוואות פון דיא ביינק און שפּאַר־קאַסען, זיי סטאַרען זיך וואָס גיכער צו מאַכען צו געלד זייערע מלוכה פּאַפּיערען. דיא פאַבריקען און וואַרשטאַטען פערמאַכען זיך, אין מסחר איז אַ טויטע שטילקייט, אַריינפיהרען עסענוואַרג און אַנדערע נויטיגע לעבענסמיטלען ווערט אַלץ שווערער. הונגער, יסורים פון קעלט, פון קראַנקהייט פאַלען מיט זייער שווערע משא אויפ'ן פּראָלעטאַריאַט, אויף דער קליין־בורזשואַזיע פון דיא שטעדט“. דאָס זיינען דיא דירעקטע רעזולטאַטען פון דער רעוואָלוציאָן. אָבער, וויא דער פערפאַסער בעמערקט ריכטיג, דיא רעוואָלוציאָן איז אויך אַ רעזולטאַט פון דיזען עלענד. דאָס הייסט: דער עלענד האָט שוין פון פריהער עקזיסטירט. ער האָט געהאָלפען פערווירקליכען דעם אויפשטאַנד. דאַריבער „איז ניט שווער צו פערשטעהען, פאַר וואָס דיא פראַגע וועגען דער אַרבייטס־לאָזיגקייט שווימט אַרויף תיכף נאָך דער רעוואָלוציע אויפ'ן ערשטען פּלאַן“. אונזער פערפאַסער גיט אונז זעהר אַן אינטערעסאַנטע אָבהאַנדלונג וועגען דעם „וואָס פאַר אַ מיטלען האָט אָנגענומען דיא רעגיערונג, וועלכע דיא רעוואָלוציע האָט אויפגעשטעלט, אויף אָבצושוואַכען דיא ליידען פון דיא אַרבייטער“; „דיא נאַציאָנאַלע ווערקשטאַטען אין פּאַריז אין 1848־טען יאָהר“; „וואָס פאַר אַן איינפלוס האָבען געהאַט דיא געזעלשאַפטליכע אַרבייטען אויף דער ענטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע?“ „דיא אוטאָפּיען, וועלכע דיא אַרבייטסלאָזיגקייט פלעגט אַרויסרופען צווישען דיא אַרבייטער“, און „וויא זאָל מען אָרגאַניזירען דיא הילף פאַר דיא אַרבייטער בעת דער פאָרשטעהענדער רעוואָלוציע?“ אָבער דאָס אַלעס, וועט דער לעזער זיך מוזען מטריח זיין נאָך לעזען אין דעם ביכעל גופא.

דיא רעוואָלוציאָן האָט נאָך אַ'ן אויפגאַבע. זיא מוז זיך אויסדעהנען, וויא מען וואָלט זאָגען אויף דייטש. זיא מוז זיך פערשפּרייטען און פערברייטען איבער'ן גאַנצען לאַנד. „אין מערב אייראָפּאַ האָבען דיא רעוואָלוציעס כמעט אַלע מאָל אויסגעבראָכען אין דער הויפּט שטאָדט“, זאָגט דער פערפאַסער, און ער דערציילט אונז דאַריבער אויף וואָסער אויפן דיא הויפּט שטאָדט האָט געווירקט אויף דער פּראָווינץ. ער דענקט אפילו, אַז „אין רוסלאַנד וועט זיך ניט איבערחזר'ן דאָס, וואָס עס איז געוועזן אין מערב־אייראָפּאַ, דאָך דערציילט ער אונז פאַקטען, וועלכע זיינען זעהר אינטערעסאַנט, און וועלכע בעווייזען, אַז מאַנכע זאַכען חזר'ן זיך גראַדע יאַ איבער. ער דערציילט אונז, למשל, פון דיא „רעוואָלוציאָנערע קלובען“ און פון דעם „קלוב פון קלובען“, זאַכען וועלכע חזר'ן זיך גראַדע איבער אין רוסלאַנד אונטער דעם נאַמען „סאָיוז“

און „סאָיוז סאָיוזאָוו". אָבער דיזער איז אַ קליי־ניגקייט, און עס איז זיך ניט כדאי דארויף אָפּ־צושטעלען.

מיר זיינען דערווייל אָנגעקומען ביז צום סוף פון דער רעוואָלוציע. דיא אויפגאַבע פון דער רעוואָלוציאָן איז אָבער נאָך ניט צו ענדע. דיא ארבייט הייבט זיך ערשט אָן. ביז צו דיזען פונקט בעשטעהט דיא ארבייט פון דער רעוואָ־לוציאָן מייסטענס אין צושטערען און אין פער־ניכטען דאָס אַלטע און דאָס פערפוילטע. יעצט מוז זיא אָנהויבען בויען, בויען אַ נייע אָרדנונג, בעשאַפען אַ נייע וועלט; דיא צייטווייליגע רע־גירונג, דיא אַלגעמיינע בעוואפנונג, דאָס פער־זאָרגען דיא ארבייטסלאָזע — דאָס איז נור געווען אַ „רישטעוואַניע", אַ בנין אויף דערווייל. יעצט מוז מען דיא „רישטעוואַניע" אויף צונעה־מען און אוועקשטעלען דעם ריכטיגען בנין, און דאָ הויבען זיך ערשט אָן דיא שוויריגקייטען :

„דיא טראַגישע לאַגע פון דיא רעוואָלו־ציאָנערע קלאַסען בעשטעהט דערינען, וואָס בייקומענדיג (האָבענדיג בייגעקומען?) נאָך אַ סך יסורים אין אונענדליכע קרבנות דיא זעלבסט־הערשאַפט פון טיראַנען און דיא פּריווילעגיעס פון אריסטאָקראַטען און כלי־קודש, וואָס האָבען עקזיסטירט פון דור דורות, זיינען זיי געצוואונגען איבערצוגע־בען זייער נצחון, זייערע פאָדערונגען און זייער געוואונענע רעכטען אין דעם רשות פון פאָרשטעהער פון דער גאַנצער נאַציאָן, אין דעם רשות פון אַ פערזאַמלונג, אין וועלכער עס געפינען זיך לעבען דיא רעוואָ־לוציאָנערע עלעמענטען, אויך עלעמענטען גלייכגילטיגע, קווענקעלענדע און פיינדלי־כע צו דער רעוואָלוציע".

עס איז זעלבסט־פערשטענדליך, אַז דאָס איינציגע וואָס קען געטאָהן ווערן ביי דיזען מאָ־מענט, איז צו לייגען דעם גרונדשטיין פון דעם בנין. דער גרונדשטיין בעשטעהט פון אַ פערזאַמ־לונג פון פאָרשטעהער פון פאָלק, וועלכע מוזען אויסארבייטען נייע געזעצע. דיא ערשטע ארבייט איז אַלזאָ „דיא פאָרבערייטונג צו דער צונויפ־רופונג פון דער קאָנסטיטואירענדער פערזאַמ־לונג, דער וואהל געזעץ". אָבער דאָ מישען באַלד זיך אריין דיא פערשיעדענע אינטערעסען פון דיא פערשיעדענע קלאַסען. און „דיא רעוואָלוציאָנע־רע קלאַסען זיינען אָהנמעכטיג אנטקעגען דיא מאכט־פערהעלטניסען צווישען דיא געזעלשאַפט־ליכע קלאַסען פון לאַנד, דיזע מאכט־פערהעלט־ניסען וועגדען זיך נור אָן דעם גראַד פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג, אָן דעם צו־שטאַנד פון דיא פּראָדוקציאָנס־קרעפטען". דיא הערשענדע קלאַסען ציעלען זיך דאָס אויסצונו־צען פאַר זייער טובה. דאָס ערשטע וואהל געזעץ, וויא דיא גאַנצע וואהל אַגיטאַציע איז דערפאַר זעהר אַ וויכטיגע אויפגאַבע פאַר דעם פּראָלע־טאַריאַט. עס איז אויך וויכטיג וויפיעל צייט עס איז דאָ פאַר דיא וואהלען צו אַגיטירען.

„וואָס מעהר אינטענסיוו און וואָס לייַנ־גער עס וועט געדויערן דער וואהל־קאַמפּף, אַלץ אַ גרעסערע אויפרעגונג וועט ווערן אין לאַנד. צום שטעהענדען, פערפוילטען זומפּף, וואָס איז פון דור דורות געווען צוגעדעקט מיט שימעל, קומט דער גבור — דיא מעכ־טיגע רעוואָלוציע, און הייבט אָן אויפצו־רודערן און אויפצובורען דיא קויטיגע וואַ־סער פון אויבען ביז'ן רעכטען דעק. עס הויבען זיך דיא כוואַליעס אַלץ העכער און שטאַרקער. אַלץ מעכטיגער קלאַפּען זיי אין דיא שלוזען, און וואָס לייַנגער און הארט־נעקיגער דער מעכטיגער גבור וועט טאָהן זיין ארבייט, אַלץ מעהר קען מען האָפען, אַז דיא פערשטאָפּטע קוועלען פון פרישע וואַסער וועלען זיך עפענען און וועלען ארויסשפּארען מיט אַמאָהל דעם עוויגען שימעל און קויט".

„דיא הערשענדע קלאַסען, און נאָך מעהר דיא הויף־כאַלאַסטרע, פערשטעהן דאָס גאַנץ גוט, און זיי זיינען פעראינטערעסירט צו פערקירצען דיא צייט פון דער וואהל־אַגיטאַציע ביז צום מינימום".

צו דער זעלבער צייט איז אויך וויכטיג, אַלע רעוואָלוציאָנערע פּארטייען זאָלען זיין איי־ניג אין דעם פּרט, כאָטש אויף אַ צייט. צוליעב דיזע אַלע וויכטיגע פראַגען, ברייננגט אונז ווי־דער דער פערפאַסער אַ רייהע פאַקטען פון דיא פריהערדיגע רעוואָלוציאָנען אין מערב־אייראָפּאַ.

מיר זיינען שוין דיעזען פונקט אויף אריבער :

„דיא וואהל אַגיטאַציע האָט זיך געענדיגט, דיא וואהלען זיינען פאָרגעקומען. צו דעם אָב־געשטעלטען טאָג ווערען דיא פאָרשטעהער פון פאָלק צונויפגערופען אין (דער?) הויפּטשטאָדט". מיר זיינען אָבער נאָך דאָן ניט זיכער מיט דעם זיעג. דיא רעאַקציע הערט ניט אויף אַ מינוט אויף צו זוכען פּלענער וויא צו פערניכטען דיא רעוואָלוציאָן, און אַלעס וואָס זיא האָט בעשאַ־פען. און ווען דיזע מענשען, דיזע פאָרשטעהער, זיינען ניט אָנגעזאָפּט מיט דעם רעוואָלוציאָנע־רען גייסט, און ווען זיי פערשטעהען ניט וואָס זיי האָבען צו טהון, קענען זיי אין ווערטער פער־טרינקען דעם גאַנצען זיעג. „אין ווערטער קען מען יעדע זאַך דערטרינקען, דיא צייט אָבער

וואָרט דערוויילע ניט. יעדע מינוט איז טהייער, ווייל דיא קאָנטער־רעוואָלוציע הערט ניט אויף צו פלעכטען איהרע אינטריגעם“.

דער לעצטער קאַפּיטעל דערציילט דעריבער וועגען דיזען פונקט אייניגע אינטערעסאנטע פאַקטען.

דאָס ביכעל וועלכעס איז צוזאַמענגעשטעלט פון בעזונדערע קאַפּיטלעך, וואָס האָבען דאַכט זיך קיין שייכות ניט, אין וועלכע דער פּערפאַסער שפּרינגט פון איין רעוואָלוציע צו דיא אַנדערע, פון איין לאַנד אין אַנדערן, פון איין יאָהר־הונדערט אין דעם אַנדערן, בעקומט אויף אַזאַ אופן אַ גוט אויסגעאַרבייטען, און נאָך אַ בעסער דורכגעפיהרטען פּלאַן. עס איז אַ פּלאַן פון דער יעצטיגער רעוואָלוציאָן אין רוסלאנד; עס איז דיא פּראָגראַם פון דעם „בונד“ צו דיזער רעוואָלוציאָן, עס איז דער שטאַנדפּונקט וואָס דער „בונד“ נעהמט איין אין דיזער רעוואָלוציאָן.

איך האָב שוין אויבען געזאָגט, וואָס איך האָב אויסצוזעצען געגען דעם נאָמען פון דעם ביכעל, און געגען דיא אַרט פון דער דאַרשטעלונג, פון דער צווייטער זייט; מוז מען אָבער צוגעבען, אַז קיין בעסערן פּלאַן וואָלט קיינער ניט געקענט אויסגעפינען. נעהמען שרייבען דאָס זעלבסט וויא אַ קאַטעכיזמוס׳ וואָס דיא רעוואָלוציאָנערען אין רוסלאנד זאָלען טהון? וואָלט געהייסען זאָגען נביאות, און נביאות זאָגען איז אַ שלעכטער געשעפט. מען קען בלייבען אַ נאַר. דערפאַר איז דער נעהמען זיך צו נביאות שוין אליין אַ נאַרישקייט. וויא דאָס ביכעל איז יעצט, איז עס אַן אויסגעצייכענט שטיקעל אַרבייט, וועלכעס איז ניט קיין נביאות און דאָך אַ פּראָגראַם־ערקלעהרונג. און דערפאַר פערשאַפט דאָס לעזען פיעל פערגניגען.

מען דאַרף נאָך זאָגען אייניגע ווערטער וועגען דעם סטיל.

אין אַלגעמיינעם איז דער סטיל ניט קיין שלעכטער. אין פיעלע פלעצער שלעפּט עס זיך אָבער. עס פיהלט זיך וויא עס וואָלט געווען אַ׳ן איבערזעצונג. איין פעהלער האָט אָבער דער מחבר, וואָס איז אונפערצייהליך: אין פיעלע שטעלען וואַרפט ער אריין דאָס וואָרט: „עס“, וועלכעס שטערט דעם גאַנצען זינן, אָט זיינען אייניגע ביישפּיעלע: „עס האָט נור געפאָדערט מוסיף זיין דעם אַרבייטער אַלבער, וועלכער (עס) האָט געהאַט אַ גוטען שם“. „דאַניעל שטערען וועלכער (עס) האָט אָנגעשריעבען דיא געשיכטע“. „דער בעריהמטער קאָמוניסטישער מאַניפעסט פון קאַרל מארקס, וועלכער (עס) האָט געעפענט“, א. ז. וו.

עס איז מיר זעהר אונאַנגענעהם דאָס צו בעמערקען, אָבער דער פּערפאַסער דאַרף וויסען, אַז „וועלכער“ און „עס“ בעציהען זיך ביידע אויף דעם געגענשטאַנד, אַז „וועלכער“ בעצייכענט אַ בעשטימטען געגענשטאַנד, און „עס“ בעצייכענט אַן אונבעשטימטען געגענשטאַנד, און אַז זיי קענען ביידע ניט געהן צוזאַמען. איך מאַך דיזע בעמערקונג גראַדע פון דעם בונדיסטישען שטאַנדפּונקט. דער „בונד“ קעמפּפט דאָך דאַפיר, און איך אונטערשטיץ איהם דערין, מען זאָל אַנערקענען אידיש פאַר אַ שפּראַך. עס איז אַלזאָ צייט, מען זאָל שרייבען אידיש וויא מען דאַרף שרייבען אַ שפּראַך. אייניגע פון אונזערע שרייבער נעהמען זיך פיעל פרייהייט אין דיעזער הינזיכט. אַ בונדיסטישער שרייבער אָבער דאַרף עס ניט טהון. דאָס וואָרט "נומיר„ איז אויך ניט נויטיג. „לאָמיר“ איז אַ גאַנץ גוט אידיש וואָרט. מיר האָבען ביי אונז דאָ אויך שרייבער וואָס שרייבען „אַ זעטיגע“ אידיש, „ביסקעל“ וואַנען עס געהט איבער דיא גאַל.

אויסער דיזע „קליינע“ פעהלערן, פערדיענט פ. אַנמאַן, אונזער אַכטונג, דער „בונד“ אַ גרויסען יישר כח; און דאָס ביכעל פערדיענט פיעל געלעזען צו ווערן.

יעקב מילך.

איבער דער וועלט.

דיא קאפיטאליסטישע פערשווערונג, געגען דיא פיהרער פון וועסטערן פעדעריישאן.
וויא אזוי קענען מיר פערהיטען דעם מארד. פריינד און פיינד אין עת צרה.
הוירסט׳ס עקזאמען. דיא סאציאליסטישע קאנפערענץ, פאר וואס איז זיא
אוועק אהן רעזולטאטען.

— יאהאן מאסט.

א קאפיטאליסטישע פערשווערונג!

עס איז א העסליכע, משונה׳דיגע, אבשטויסענדע, עקעלהאפטע ערשיינונג. עקעלהאפט איז זיא נאך איהרע ציעלען, אבשטויסענד דורך איהרע מיטלען.

פערשווערונגען מאכען אויך רעוואלוציאנערען. אבער זייערע ציעלען זיינען ערהאבענע, אידעאלע. אין נאמען פון פרייהייט, רעכט און גערעכטיגקייט מאכען זיי פערשווערונגען געגען דעספאטען, טיראנען, פאלקס־פיינד. זיי ריזיקירען אליין מיט׳ן לעבען, זיינען זיך מוסר נפש פאר אנדערע, פאר׳ן פאלק, פאר דיא מאסען. רעוואלוציאנערע פערשווערונגען שאפען דערפאר העלדען.

פון א גאנץ אנדער זארט איז א קאפיטאליסטישע פערשווערונג. איהר ציעל איז פראפיט, שטארקערע עקספלואטאציאן, מעהר רויב. איהרע מיטלען זיינען שחד, כאבאר. א קאפיטאליסטישער פערשווערער ריזיקירט קיין מאהל ניט מיט זיין לעבען. ער האט קיין מאל ניט דעם מוטה זיך צו טרעפען פנים אל פנים מיט דעם שונא. ער איז א צו גרויסען טרוס דערויף. דער קאפיטאליסטישער פערשווערער דינגט, וועלכען עס איז אויסוואורף צו בעגעהן א פערברעכען, קויפט אונטער אלע דיא אין וועמעס הענד עס ליגט דעם פערברעכען אויפצודעקען, שטעלט אן שפיאנען, רייצט אויף יאגד־הינד וואס זאלען בעפאלען דעם קרבן און איהם צוררייסען. ער אליין אבער שטעהט זיך גלייכגילטיג פון וויטען און מיט א שמייכעל חשבון׳ט ער וויפיעל פענים דיא אלע פערברעכענס וועלען איהם אריינברייגען.

אזא קאפיטאליסטישע פערשווערונג פון ערגסטען און עקעלהאפטעסטען זארט שפיעלט זיך אפ פינף וואכען ביי אונז, אין דיא פעראייניגטע שטאאטען.

דיא „נשמה“ פון דער פערשווערונג איז די אלטע און ביטערע שנאה פון א הייפעל גרויסע קאפיטאליסטען אהן הארץ און געוויסען אונטער דער פיהרערשאפט פון דעם „סטענדערד“ טראסט, פון ראקעפעלערס איל קאמפאניע געגען א גרויסע און שטארקע, ענערגישע און פעהיגע ארבייטער ארגאניזאציאנען.

דיא רויבערישע נשמה פון יענע הייפעל מיינען־בעזיצער איז שוין זייט פיעל יאהרען דורכגעווייקט און דורכגעקנאטען פון געוואלדטהאטען און פערברעכענס, פון אונערהערטע רציחות און אונגלויבליכע אכזריות געגען דיא הונדערטע טויזענדע מיינערס, וואס האבען מיט זייער בלוט און שוויים פאר יענע רויבער, פון דיא טיעפענישען פון דער ערד ארויסגעשלעפט אוצרות אויף אוצרות, מיליאנען אויף מיליאנען.

דיא גאנצע בייזקייט פון יענע באנדיטען האט זיך קאנצענטרירט אויף דיא ארגאנייזאציאן פון דיא מיינערס און אויף איהרע פיהרער.

דיא „וועסטערן פעדעריישאן אוו מיינערס“ איינע פון דיא פעהיגסטע, ענערגישסטע, ראדיקאלסטע און עהרליכסטע ארבייטער ארגאניזאציאן אין אמעריקא (ויש אומרים: דיא פעהיגסטע, עהרליכסטע א. ז. וו. ארגאניזאציאן) איז פון ערשטען טאג פון איהר עקזיסטענץ, אין יאהר 1893, געוועזן א דארן אין אויג ביי דיא מיענען־בעזיצער פון דיא סטייטס קאלאראדא און איידאהא. זיא האט איין גרויסען פערברעכען געטהאן: זיא האט זיך ערנסט און ענערגיש גענומען ארגאניזירען דיא פערשקלאפטע און פערוואגטע, דיא הונגערנדע און ליידענדע מיינערס. זיא האט ערנסט און מוטהיג גענומען פערטהיידיגען זייערע אינטערעסען.

דער איין פערברעכען איז געווארען דיא אונאויפהערליכע קוועלע פון שנאה און געוואלדטהאטען געגען איהר. צוויי מאהל האט מען איהר ערקלעהרט קריעג אויף לעבען און טויט. צוויי מאל איז דער קריעג געוועזן א לאנגער און פאר די מיינערס, א שרעקליכער. וויפיעל צרות, נגשות, הונגער, נויטה און עלענד האבען זיי געמוזט ארי־

בערטראגען! דאך דיא האפנונגען פון זייערע פייניגער זיינען געווען אומזיסט. דיא מיינערס האבען ניט פערראטהען זיך און זייער קלאס. זיי האבען ניט געלאזט פאלען זייער ארגאניזאציאן. דיא „וועסטערן פעדעריישאן“ לעבט נאך היינט און נאכדעם וויא זיא האט זיך ערהאלט פון דיא קלעפ, איז זיא געווארען נאך טהייערער, בעליעבטער דיא ארבייטער, ווארום זיא איז בעציערט מיט דעם קרוין פון מארטירערטהום און איהרע פיהרער — מיט דעם גלאנץ פון מוטה און פעלזען־פעסטער עהרליכקייט.

דער ערשטער גרויסער קריעג געגען דיא „וועסטערן פעדעריישאן“ איז געפיהרט געווארען אין סטייט איידאהא אין דיא יאהרען 1899—1900. גאווערנאר שטיינענבערג (א דעמאקראטישער גאווערנאר) איז דאן געווען דער גענעראל פעלד־מארשאל, וועלכער האט איבערגענומען ביי דיא מינען־בעזיצער דעם „הייליגען“ דזשאב צו צוברעכען דיא ארגאניזאציאן און עוקר מן השורש צו זיין דיא ווידערשפעניגסטע. וואפען זיינען געברויכט געווארען פון בעסטען רוסיש־דעספאטיש־קאזאצקען זארט: קריעגס־צושטאנד, ארעסטען, עקזעקוציעס, פייניגונגען פון דיא מענער, פערגוואלטיגונגען פון דיא פרויען, א. ז. וו., א. ז. וו. וויא מיר קענען אלע טאג לעזען איצט — אין דער צייט פון דיא שווארצע מאות און דיא הוליגאנעם — אין דיא טעלעגראמען פון רוסלאנד.

שטיינענבערג איז געווען א מין קליינער פלעהווע. ארונטערצוברייגגען הינטער שלאס און ריגעל דיא גאנצע פרייע רוסלאנד ביז ער וועט „אויסריייניגען“ דיא לאנד פון דיא בונטאוושציקעס, דאס איז געווען פלעהוועס „אידעאל“.

„דעם גאנצען סטייט וועל איך בלעק־ליסטען, ביז איך וועל אויסראטען א זכר פון דיא „וועסטערן פעדעריישאן“ — האט זיך בעריהמט גאווערנאר שטיינענבערג. און אזוי וויא דורנאוואָ, טרעפאוו, פלעהווע און דיא אלע משחיתים און תלינים האבען שטענדיג געפונען דיא הסכמה און דיא ברכה פון פאלאסט אין פעטערבורג, פעטערהאף, אדער צארסקאע סעלא, אזוי האט דער אמעריקאנער קליין־פלעהווע פון איידאהא געפונען דיא הסכמה פון „ווייסען הויז“, וואו עס האט דאן געוואהנט דער רעפובליקאנער פרעזידענט מעקינלי און דיא ברכה פוןביידע פארטייען. עס איז דאך שוין אן אלטער כלל, אז וואו נור עס האנדעלט זיך וועגען פראפיט און געגען דיא ארבייטער, דאן הערען אויף אין דיא קאפיטאליסטישע רייהען אלע פארטייאונטערשיעדע און אלע סכסוכים!

אז דער איידאהא'ר פלעהווע האט אין יאהר 1900 אזוי וויניג געקענט עוקר מן השרש זיין דיא דארטיגע ווידערשפעניגסטע, וויא פלעהווע דיא רוסישע „קראמאלא“, קען מען זעהן דערפון וואס אין א גאנץ קורצע צייט ארום האט מען געמוזט ערקלעהרען א נייע מלחמה דיא „וועסטערן פעדעריישאן“. דעם מאהל האט מען אויסגעקליבען אן אנדער שלאכט־פעלד — קאלאראדא. דער נייער קריעגס־הערר, דער דארטיגער טרעפאוו, איז שוין געווען א רעפובליקאנער. זיין נאמען איז נאך, האפענטליך, היינט ביי אלע אונזערע לעזער א שימפף און שאנדע נאמען. פיבאדי האט ער געהייסען. און אזוי פריש וויא דער נאמען פון דעם תליון שטעהט נאך פאר זייערע אויגען, אזוי פריש זיינען נאך, האפענטליך, אויך דיא עררהאינערונגען אן דיא אלע אונערהערטע געוואלדטהאטען און פערברעכענס, וואס זיינען אין יאהר 1904 בעגאנגען געווארען אין קאלאראדא געגען דיא מיינער, זייער ארגאניזאציאן און זייערע פיהרער.

טהעאדארוס, דער „בעל השלום“ האט פערשטאפט ביידע אויערן און פעסט צוגעדריקט ביידע אויגען, אז דיא יללות פון דיא געפייניגטע הונדערטע טויזענד נפשות און דער בלוטיגער שיין פון קאלאראדא זאלען חלילה ניט דערגעהן אין „ווייסען הויז“. און דיא קאפיטאליסטישע פרעסע האט זיך געגעבען א נדר דיא גאנצע מעשה צו פערשווייגען, ווארום „אויב רייזען איז א רענדעל, איז שווייגען אפטש צוויי“, און נאך מעהר.

דער קאלאראדא'ר טרעפאוו האט אבער אזוי וויניג געקענט דערגרייכען זיין ציעל, וויא זיין פארגייגגער, דער איידאהא'ר פלעהווע. אויף קיין גרעסערע בריות־תלינים איז שוין ניט געווען וואס צו האפען. קיין אפענע שלאכטען האט מען מעהר ניט געקענט געבען. וואס טהוט מען?

און דיא באנדיטען, דיא מיינען־בעזיצער און זייערע משרתים האבען זיך בעשלאסען צו געהן א טריט ווייטער און נאך איין פערברעכען אבצוטהאן; זיי האבען זיך געכאפט פאר דיא באמבע: דיא באמבע זאל לעבען, זיא וועט אונז בעפרייען פון דיא לעצטע שפורען פון ציוויליזאציאן און רעכט. זיא וועט אונז געבען דיא מעגליכקייט אויפן איינפאכסטען אופן צו מאכען א סוף מיט דיא אלע, וואס שטעהען אונז אין וועג.

און א באמבע האט געפלאצט ביי דער סטיישאן אין קריפל־קריק. וואס פאר א ישועה! פאגראמען געגען אלעמען, ווער עס איז פערבונדען מיט דיא וועסטערן פעדעריישאן, אדער זאגאר ווער עס סימפאטיזירט מיט איהר איז געווארען א „הייליגע“ זאך. ארעסטירען האט מען געקענט, וועמען מען האט געוואלט. ארויס־

שיקען וויפיעל מען האָט געדארפט. און מען האָט געפּראָגראָמעוועט, אַרעסטירט, דעפּאָרטירט, פערגוואַלטיגט, אַלץ אין נאָמען פון דער רעטענדער באָמבע. און דיא קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע האָט געעפענט דיא צוגעשלאָסענע טהויערען און רעפּאָרטען האָבען זיך גענומען שיטען אַלץ וועגען דער באָמבע און געגען דיא, וועמען מען האָט געוואָלט טרעפען דורך דער באָמבע: געגען דיא פיהרער פון וועסטערן פעדעריישאָן.

תפשת מחבה לא תפשת. ווייל דיא מאַכערס פון דער באָמבע האָבען געמיינט דורך איין קלאַפּ אַלעמען און אַלץ צו פערניכטען דערפאַר האָבען זיי קיין איינציגען פון דיא פיהרער ניט געקענט אַוועקשיקען אויפן עלעקטרישען שטוהל. אומזיסט האָט מען אַרעסטירט אויף רעכטס און לינקס. דעם סטרייק האָט מען געבראָכען, דיא קוועלע פון רעבעליאָן, דיא „וועסטערן פעדעריישאָן" איז געבליבען.

פאַרוואָס די קריפּל־קריק׳ער באָמבע האָט ניט געבראַכט אין גאַנצען דעם עפעקט וועלכען איהרע שעפּפער האָבען געפּלאַנעוועט, איז שווער צו זאָגען. מעגליך איז אַז דיא וואַהלען, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַר דער טהיר האָבען אָבגעשראָקען פּיבאַדי און דיא גאַנצע חברותא, מעגליך איז אויך אַז זיי האָבען געמיינט אַז זיי האָבען זייער ציעל ערריכט און דיא וועסטערן פעדעריישאָן איז שוין טויט אויף אייביג, איז געבראָכען צוזאַמען מיט דעם סטרייק, מעגליך איז אויך אַז אין איילעניש האָט מען דעם „דזשאַב" געמאַכט אַביסעל אונגעלומפּערט אַזוי אַז מען האָט ניט געקענט אַפּילו ביים בעסטען ווילען אַריינשלעפּען דיא אַרבייטער פיהרער אין דער געשיכטע און אויף אַזאַ אופן זיי ברייינגען אויפן עלעקטרישען שטוהל.

אַזוי צו אַזוי, דיא דאָרטיגע אַרבייטער־פיהרער זיינען דאַן נצול געוואָרען פון דעם בלוטיגען בלבול און ווען עס איז געוואָרען אַביסעל שטילער האָט מען זיי צוריק אַריינגעלאָזען אין זייער היימאַטה. זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט צו זייער אַרבייט. זיי האָבען ווידער גענומען אויפבויען דיא אָרגאַניזאַציאָן און זיי זיינען געוואָרען נאָך פּאָפּולערער, נאָך בעליעבטער.

דעם חטא פון אַזאַ תחית המתים האָבען דיא קאַפּיטאַליסטישע באַנדיטען זיי ניט געקענט מוחל זיין. דיא צוויי מלחמות זיינען געווען פערלאָרען. אָנהויבען אַ נייעם אָפענעם קאַמפּף איז נאָך ניט געווען קיין צייט און ניט קיין פּאַסענדע געלעגענהייט. און דיא קאַפּיטאַליסטישע באַנדיטען האָבען זיך גענומען פאַר זייער עקעלהאַפטעסטען, שוידערליכסטען מיטעל, פאַר אַ פערשווערונג.

„מיר וועלען אָבראַמען דיא פיהרער און דיא אָרגאַניזאַציאָן, דיא וועסטערן פעדעריישאָן, וועט שוין ממילא פאַלען, און אָהן אַ אָרגאַניזאַציאָן וועלען דיא מיינערס ווידער זיין ניט קיין ארמיי נור אַ ערב רב, ניט קיין קלאַס נור אַ מאַסע.

ענדע יאַנואַר איז דער געוועזענער פּלעהווע פון איידאהא ערמאָרדעט געוואָרען דורך אַ באָמבע. תיקף ומיד האָבען דיא קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען גענומען ריידען וועגען אַ פערשווערונג. זעלבסטפערשטענדליך, ניט קיין קאַפּיטאַליסטישע. מען האָט גענומען זוכען אַ אַנאַרכיסטישע פערשווערונג. מען איז באַלד געקומען צום שכל, אַז געטהאָן האָבען עס דיא מיינערס אויס נקמה צו איהם פאַר זיינע אַמאָליגע חטאים.

אַז דיא חכמה איז אַ ריינע משוגעת, אָדער אַ בלוט בלבול האָט מען גלייך געקענט זעהען. וואָס פאַר אַ אינטערעס האָבען היינט דיא מיינערס צו טהאָן אַזאַ זאַך, צו ריזיקירען מיט דעם אייגענעם לעבען, צו שטעלען אין קאָן דיא עקזיסטענץ פון דער אָרגאַניזאַציאָן, היינט, ווען שטיינענבערג איז שוין לאַנג פּאָליטיש טויט, היינט ווען נייע וואונדען האָבען זיך אָנגעקליבען.

וויא איז מעגליך, אַז דיא וועסטערן פעדעריישאָן און איהרע פיהרער, וועלכע האָבען אַלע כחות אָנגעווענדעט אָבצוהאַלטען דיא פערביטערטע און פערהונגערטע סטרייקער פון אַזוינע און עהנליכע ראַכע־טהאַטען, פון יעדער זאָרט געוואַלד, וויא איז מעגליך אַז זיי זאָלען היינט אין אַ פריעדליכע צייט גאָר פון עלערהויט ענדערן זייער גאַנצע טאַקטיק, יאַ זייער גאַנצע וועלט־אַנשויאונג, ווארום אלס סאָציאַל־דעמאָקראַטען זיינען זיי פּרינציפּיעל געגען טעראָריסטישע טהאַטען!

אַזוינע פראַגען שטעלט איהר זיך געוויס לעזער, שטעלט זיך יעדער דיינקענדער אונפּאַרטייאישער מענש, אַזוינע פראַגען קומען אין קאָפּ ניט פון קלאַסענהאַס און קלאַסען אינטערעסען פערבלענדעטע פאָרשטעהער פון דער קאַפּיטאַליסטען־קלאַס, און בויענדיג אויף דעם האָבען דיא באַנדיטען און רוצחים דיא מיינען־בעזיצער אויסגעטראַכט זייער טייפעלשע פערשווערונג געגען דעם לעבען פון דיא עהרענהאַפטע, מוטהיגע אידעאַליסטען, דיא פיהרער פון די „וועסטערן פעדעריישאן" מאַיער, הייוואוד און זייערע חברים.

דעם 17טען פעברואר האָט מען דיא בראַווע, ריינע מענשען געכאַפּט געפאַנגען און שנעל אין אַ ספּעציעלען צוג, בעגלייט פון אַ גאַנצע סטאַיע סאָלדאַטען און דעטעקטיווס אַריבערגע־

פיהרט פון קאלאראדא סטייט אין איידאהא סטייט און זיי פערשפארט אין טורמע. דיא גאנצע אנקלאגע איז געבויט כלומרשט אויף דער ודוי פון איינעם א שפיאָן ארטשארד, וועלכער איז זיך כלומרשט מודה, אז ער האָט גע'הרג'עט שטיינענבערג'ן אין חברותא, און אָנגערייצט פון דיא אלע ארבייטער־פיהרער.

דיא שרייענדע פערלעצונג פון דיא געזעצען, דיא שנעלקייט מיט וועלכע דיא מחבלים האָבען שטילערהייט פערשלעפט דיא בעשולדיגטע אין טורמע, אין א פרעמדען סטייט, דיא אכזריות מיט וועלכע מען בעהאנדעלט זיי, דאָס אלץ און א סך אנדערע אומשטענדען ווייזען מעהר ווי גענוג, אז דעם מאָהל האָבען דיא מלאכי חבלה זיך פעסט בעשלאָסען ניט ארויסצולאָזען דיא קרבנות פון זייערע הענד. דאָס אלץ ווייזט מעהר, וויא קלאָהר, אז א שוידערליכער פערברעכען האלט ביים בעגאנגען ווערן, אז דער חלף ליגט הארט ביים האלז פון אונזערע חברים. דיא אונשולדיגע בלוט פון דיא שיקאגאער מארטירער, וועלכע זיינען מיט 19 יאָהר צוריק געהאנגען געוואָרען אלס קרבנות פון א עהנליכער פערברעכערישער קאפיטאליסטישער פערשווערונג, רופט צו אונז אלעמען: שווייגט ניט, רוהט ניט, האָפט ניט אויף קיין יושר און גערעכטיגקייט. קאפיטאלס פערשווערונג שמעקט מיט בלוט, פערלאָזט זיך ניט אויף קיין נסים, פערהיט דעם מאָרד און ראטעוועט דיא קרבנות!

* * *

פערהיט דעם מאָרד! עס איז אנגענעהם צו בעמערקען אז דער אויפרוף האָט ניט אָבגעקלונגען וויא א קול קורא במדבר. עס האָט זיך אָבגערופען זעהר ווארים דיא נייע יוניאָן־ארגאניזאציאָן „דיא אינדאָסטריעל“. עס האָבען זיך אָבגערופען ווארעם ביידע סאָציאליסטישע פארטייען. עס האָבען זיך אָבגערופען איינצעלנע טרייד־יוניאָנס און דיא סאָציאליסטישע פרעסע פון לאנד. עס האָט זיך גענומען בעוועגען ביסלעכווייז. מען האלט אָב פערזאמלונגען, דעמאָנסטראציאָנען. זיי אלע זיינען מעהר אָדער וויניגער גוט בעזוכט. דיא רעדען זיינען פלאמענד און ווערן מעהר אָדער וויניגער בעגייסטערט אויפגענומען, און דער רעזולטאט איז אז דער נדר פון שווייגען וואָס דיא קאפיטאליסטישע צייטונגען האָבען ארויפגעלייגט אויף זיך ווערט ניט ווילענדיג פון זיי געבראָכען דורך קלענערע אָדער גרעסערע בעריכטען.

דאָס אלץ איז גוט און שעהן, דאָס אלץ מוז ווערן אויך ווייטער געפיהרט אין פיעל גרעסערן אויך שטארקערן מאסשטאב. מען טאָר דיא זאך ניט לאָזען איינשלאָפען. מען מוז דיא פראָטעסט בעוועגונג טרייבען ווייטער און ברייטער.

אָבער דיא פראגע איז: צו איז דאָס אלץ גענוג? צו זיינען ניט דאָ קיין אנדערע ווירקענדערע מיטלען וואָס זאָלען מאכען איין גרעסערן איינדרוק ?

דעבס האָט אין א פייערדיגען בריעף דערמאָנט וועגען ענטפערן מיט געוואלד אויף געוואלד. עס איז פאר יעדען קלאָהר אז דאָס וועט בלייבען א פרומער וואונש. פיעלייכט וועלען צווישען דיא מיינערס אין קאלאראדא פאָרקומען איינצעלנע פעלע פון אונרוהען, פיעלייכט וועלען זיי ניט קענען בעהערשען זייער גערעכטען צאָרן און אויפרעגונג. יעדענפאלס איז דאָס היינט ניט דער וועג וויא צו פערהיטען דעם מאָרד.

פיעל ערנסטער וואָלט מען געקענט ריידען און פערהאנדלען דיא פראגע וועגען א גענעראל סטרייק, אלס דעמאָנסטראציאָנען פאר א בעשטימטע קורצע צייט, וויא צום ביישפיעל, אין איטאליען מיט אָנדערטהאלבען יאָהר צוריק. דאָ קומט אָבער דיא קללה פון דער אמעריקאנער ארבייטער בעוועגונג, וואָס איהרע גרויסע אָרגאניזאציאָנען זיינען אזוי קאָנסערוואטיוו, אזוי גייסטיג געזונקען, אזוי אונפעהיג אויף וועלכע עס איז אלגעמיינע גרויסע טהאט.

אין דעם שווארצען צעטיל פון דיא חטאים געגען דיא אינטערעסען פון דער ארבייטער־קלאס, וועלכע סאמועל גאָמפערס און דיא אמעריקאן פעדערישאָן האָבען אויף זייער געוויסען, וועט זייער האלטונג געגען דעם געפלאנעוועטען מאָרד פון מאיער, הייוואוד און אנדערע פערנעהמען ניט דעם לעצטען פלאץ. עס איז איינפאך א עפענטליכער סקאנדאל צו זעהן וויא אזוי אין אזא קריטישען מאָמענט, ביי אזא שרעקליכען בלוט בלבול אויף ארבייטער פיהרער, בלייבען זיי די אָפיציעלע פאָרשטעהער פון דער אמעריקאנער ארבייטער קלאס אין דעם לאגער פון די שונאים. און צוזאמען מיט דער גאנצער קאפיטאליסטישער פרעסע בעדעקען זיי דעם פערברעכען מיט זייערע פליגלען, דורך דעם וואָס זיי פערשווייגען עס.

עס וואָלט געוועזען אזוי לייכט ארויסצורופען א דעמאָנסטראציאָנס־סטרייק צווישען דיא גרויסע מאססען ארבייטער, עס איז אונמעגליך צו ריידען היינט וועגען א אלגעמיינעם סטרייק, היינט ווען דיא הויפט מאסען פון דיא אָרגאניזירטע ארבייטער געפינען זיך אונטער דעם איינפלוס פון דיא אמעריקאן פעדערישאָן. מיר קענען אָבער און מוזען ערנסטער בעטראכטען צו איז דאָך ניט מעגליך אזא זאָרט דעמאָנסטראציאָן דורך א סטרייק — איין טאָג כאָטש —

דורכצופיהרען אין דיא אלע לאָקאלס פון דיא יוניאָנס, וואו דער סאָציאַליסטישער איינפלוס איז מעהר אָדער וועניגער שטאַרק ?

פאַרהיט דעם מאָרד! דאָס בלייבט פאר דיא נעקסטע צייט אונזער אַלעמנס אויפגאַבע, אונזער אַלעמענס פפליכט !

* * *

אין אַ אונגליק דערקענט מען אַ פריינד ! דער „פריינד“ פון דיא ארבייטער, וועמען ניו־יאָרקער ארבייטער האָבען ביי דיא לעצטע וואה־



פרעזידענט מאָיער פון דיא ווערטערן פעדעריישאָן אָוו מיינערס.

לען אַזוי פערטרויענס־פול געטראָגען זייערע שטימען, דער געלער הוירסט, מיט זיינע דעמאַגאגישע חנד׳לעך און אויפגעבלאָזענע האַלב סאָציאַליסטישע, האַלב רעאקציאָנערע פראַזען, האָט אַפילו די ערשטע קליינע פראָבע ניט אויסגעהאלטען.

ניט פיעל איז געווען צו פאָדערן פון דעם גרויסען סענזאַציאָנס־מאַכער דעם „דזשוירנאַל“, אַז ער זאָל באָטש איין האלב־יארדיגען קעפּעל מקריב זיין פאר דיא אַלע צעהנדליגע טויזענדע אַרבייטער שטימען, וועלכע ער האָט בעקומען. ניט פיעל איז געווען צו פאָדערן פון זיין „סאָציאַליסט“ישען רעדאקטאָר, וועלכער צורייסט זיך שרייענדיג געגען דיא געפאַהרען פון דיא טראָסטס, ער זאָל אויך דעם נייעם פערברעכען פון „סטענדערד אָיל“ שיינקען עטליכע שורות. אָבער לאָ. הוירסט׳ס בלעטער פערשטיקען און פערשווייגען דיא גאַנצע געשיכטע נאָך פיעל הארטנעקיגער איידער דיא ביטערסטע קאַפּיטאַליסטיש־רעאַקציאָנערע צייטונגען, אַפילו אַ געוויינליכע פאָלקסשטימע וועגען דעם פערברעכען האָט דער „דזשוירנאַל“ זיך ענטזאגט צו דרוקען.

דאָס זיינען טרוקענע פאַקטען. דאָ דאַרף מען קיין פשטים ניט, און דיא טרוקענע פאַקטען

וויליאם הייוואוד, סעקרעטערי פון דיא וועסטערן פעדערייישאָן אָוו מיינערס.

ווייזען מעהר וויא גאַנצע געלעהרטע ביכער, וויא וויט הוירסט מיט זיינע פראזען, מיט זיין מיוניסאפּאל אָונערשיפּ, מיט זיינע דעמאגאָגישע פאָקוסען איז וויט פון עהרליכקייט, פון אַנשטענדיגקייט און פון איינפאַכער אַרבייטער־פריינדליכקייט, און ווער רעדט שוין פון סאָציאַליזמוס !

עס קען זיין, ווען דיא וואַהלען וואָלטען געווען פארן טהיר, וואָלטען הוירסטס שרייערס געפונגען אַ פּאָר טענער אויף פאר דעם איידאַהאָ׳ר פערברעכען. אָבער ביז דיא וואַהלען איז נאָך עטליכע חדשים און דערפאר געפינט מען פאר איבריג אַפילו אַ מאַסקע ארויפצוציהען אויף זיך.

נישקשה, דיא ארבייטער וועלען נאָך פערגעסען. פאר זיי האָבען מיר דאָך אונזערע אלטע מיטלען, דיא גלענצענדע עדיטאָריעלס פון פאראַיאָהרען.

דיא ארבייטער וועלען עס אָבער ניט פערגעסען. אויב פאר אַ יאָהרען איז געוון אַ נארישקייט דער גאנצער הוירסט בום, וועט עס דעם יאָהר זיין אַ פערברעכען. ביי אזוינע „פריינד“ פון דער ארבייטער קלאַס ארונטערצורייסען דיא מאַסקע איז ניט נור קיין פּאָליטישע טאַקטלאָזיגקייט ניט, עס איז איינפאָך אַ הייליגער חוב. זאָלען אלע ארבייטער וויסען, וואָס זיי קענען ערווארטען פון אזוינע „פריינד“. און זאָלען זיי זיך שלאָגען על חטא פאר דיא פערגאנגענהייט. עס וועט זיין צוניץ קומען אין דער צוקונפט !

*　*　*

מיר מוזען מודה זיין דיא אידישע סאָציאליסטישע קאָנפערענץ האָט ניט ערפילט דיא האָפנונגען, וועלכע מען האָט געלייגט אויף איהר. זיא איז געווען ניט אין גאנצען בעפרידיגענד נאָך דיא פערהאנדלונגען, נאָך וויינִיגער בעפריעדיגט נאָך איהרע בעשליסע.

אויפן טאגעס אָרדנונג זיינען געשטאנען 5 וויכטיגע לעבענס פראגען: אָרגאניזאציאָנען, מינדליכע פראָפּאגאנדא, שריפטליכע פראָפּאגאנדא, טרייד־יוניאָן, פּרעסע.

פון דיא אלע פראגען האָט מען דיא טריידיוניאָן פראגע שוין פון אנפאנג אָן פערקריפּעלט. מען האָט ניט געלאָזען ריידען וועגען דיא שטרייט־פראגען אין דער יוניאָניסטישער בעוועגונג. וועגען דאָס וואָס אלעמען האָט אינטערעסירט: וויא זאָל מען זיך פערהאלטען צו דיא אמעריקאן פעדערייש‏אָן און צו דיא אינדאָסטריעל? האָט מען ניט געלאָזען ריידען, און וויא באלד אז אזוי איז דער גאנצער פּונקט אין אמת'ן געווען איבריג און נוצלאָז. כדי ארויסצוטראָגען אַ פּלאטאָנישע ליעבעס ערקלעהרונג צו דער יוניאָן בעוועגונג ניט אויסשטאטענדיג וועלכע האָט מען ניט געדארפט פערנעהמען קיין צייט פון דער קאָנווענשאָן. אזא רעזאָלוציאָן וואָלט אָהן דעבאטען אויך אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג.

וועגען די אָרגאניזאציאָנט פראגע האָט מען אפילו ארומגערעדט פיעל. מען האָט אָבער גאָר ניט בעשלאָסען און געלאָזען כשאשתקד, אלין וויא געווען. דיא וויכטיגע צוויי פראגען וועגען שריפטליכע און מינדליכע פראָפּאגאנדא, איז מען דורכגעלאָפען אין גאלאָפּ, מען האָט זיך געאיילט צו דער דראמאטישער סענסאציאָנעלער פראגע וועגען דער פּרעסע.

דראמאטישע און סענסאציאָנעלע מאָמענטען האָבען אין דיא שעה'ן וואָס דיא פראגע האָט פערנומען געוויס ניט געפעהלט, כאָטש זיי זיינען געווען פיעל וויינִיגער וויא מען האָט ערווארט. אז דיא פראגע זאָל מען האָבען ערנסט און זאכליך בעשפּראָכען דאָס קען מען ניט זאָגען. „כלו זכי“, האָבען געשריען דיא פּאטריאָטען, „כלו היב“ האָבען געשריען דיא אנדערע. מיט וויינִיג אויסנאהמען, וויא צ. ב. דר. קאספּע, האָט קיינער ניט געוואָלט ערנסט און זאכליך בעטראכטען: וואָס טהוט מען צוצוגעבען מעהר אויטאָריטעט, מעהר גייסטיגע מאכט און סאָציאליסטישען איינפלוס צו אונזער גרויסער פּרעסע? און אז דיא גרויסע פּרעסע האָט וויינִיג איינפלוס און סאָציאליסטישע קראפט, דאָס דאכט זיך איז לכל הדעות קלאָהר.

דער רעזולטאט איז געווען אז אויך אין דער פראגע איז כמעט ווי גאָר ניט בעשלאָסען, ניט פאר איהר, ניט וויא איהר צו מאכען סאָציאליסטישער, גייסטיגער, קרעפטיגער און געזונטער. והא ראיה, ערשט אין אַ פּאָר וואָכען ארום נאָך דער קאָנפערענץ איז דיא פראגע וועגען דער פּרעסע אריבערגעטראָגען געוואָרען אין דיא אָרגאניזאציאָנען, און פון דאָרט הערען מיר דערווייל דיא ערשטע שטימען. זיי זיינען אזוי אָפּטימיסטיש וויא נור מעגליך: „אלעס איז גוט און דיא בעסטע פון אלע וועלטען.

און דער צופאל פון דיא אָרגאניזאציאָנען און דיא גייסטיגע אָהנמאכט פון דער בעוועגונג א. ז. וו., א. ז. וו.? אויף דעם האָט מען געשאפען אַ קאָמיטע. זיא בעשטעהט היינט פון 12 פּערזאָן. דער טרויסט און דיא האָפנונג איז היינט די קאָמיטע — דער איינציגער רעזולטאט פון דער קאָנפערענץ. וויא זאָגט אַ רוסישער שפּריכוואָרט: „גאנץ גלייך מיט וואָס מען זאָל זיך ניט טרייסטען, אבי ניט וויינען“!

איינע פון דיא הויפּט אורזאכען פאר וואָס דיא קאָנפערענץ האָט זיך געענדיגט אזוי אָהן רעזולטאטען, איז דאָס וואָס אייגענטליך איז איהר שיקזאל אָנגעטרויט געוואָרען דיא 5 פּערזאָנען פון דער רעזאָלוציאָנס קאָמיטע. זיי זוינען געוואָרען דיא ממונים אויף דער קאָנפערענץ, זיי האָבען אויסגעארבייט איבער יעדער פראגע אַ רעזאָלוציאָן און די קאָנפערענץ האָט נור געהאט דיא אויסוואהל אָנצונעהמען אָדער ניט. אלין ככתוב, וויא עס איז ארוים פון דער קאָמיטע אָהן אמענדעמענטס. איהרע רעזאָלוציאָנען זיינען אָבער געווען ניט קלאָהר, ניט פּראקטיש. און דיא אנדערע פּאָרשלעגע וואָס זיינען געמאכט געוואָרען פון דיא דעלעגאטען גופא האָט מען גאָר ניט געלאָזען צו אַ שטימונג. דערצו האָט נאָך דיא קאָמיטע אלע רעזאָלוציאָנען ארייננגעטראָגען גאָר שפּעט, פאר נילה, ווען אלע

זיינען געוועזן אי פערמאטערט, אי אויפגערעגט נאָך „דער גרויסער שלאכט“. אזוי אז דיא קאָנ־פערענץ האָט ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג גע־שטימט וויא אַ מאשין.

אונזערע גרינע גענאָסען, וועלכע זיינען גרויסע מאדימס און בקאים אין פארלאמענטא־ריזמוס פערזיכערן אונז אז עס איז געוועזן פאר־לאמענטאריש געהאנדעלט. אזוי פאָדערן דיא „פארלאמענטארישע רולס“. מיר ווייסען ניט צו פאָדערן עס טאָקע דיא „פארלאמענטארישע רולס“. מיר ווייסען נור, אז אויב אזוינע רולס זיינען דאָ, זיינען זיי שלעכטע רולס, אז עס איז געוועזן אַ אונגליק פאר דיא קאָנפערענץ און אז ביי וויטערדיגע קאָנפערענצען טאָר אזא זאך מעהר ניט דערלאָזען ווערן.

אזוי צו אזוי, דיא קאָנפערענץ האָט ניט פיעל אויפגעטהאָן און קיין נייעם גייסט, קיין נייעס לעבען ניט אריינגעבראכט. איצט דאַרף מען ווארטען וויטער אויף דיא קאָנווענשאָן.

ניש־קשה דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג קען ווארטען. זי האָט איהר פאָרטזעצונג פאָלגט..

* * *

ווען דער נומער „צוקונפט“ ווערט אָבגע־שלאָסען, בעקומען מיר דיא טרויעריגע ידיעה וועגען דעם פלוצלונגען טויט פון יאָהאַן מאָסט. אין מיטען פון זיין אגיטאציאָנס טור, ווען טוי־זענדער פראָלעטאריער האָבען זיך געקליבען נאָך אמאָהל צו הערען זיין פלאַמענדע שטימע, איז ער פלוצלינג קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען.

דיא רעוואָלוציאָנערע פראָלעטארישע וועלט האָט אין איהם פערלאָרען איינעם פון איהרע אונערמיעדליכע קעמפפער און מארטירער. דיא דאָפּעלטע קרוין פון קאַמפּף און מארטירערטהום האָבען בעציערט זיין לעבען.

ער האָט געקעמפפט און געליטען, געקעמפפט און געליטען. ער איז אָבער קיין מאָל ניט גע־פאלען. דיא גאנצע בייזקייט און געוואלדטהא־טען פון דיא רעגיערונגען אלער לענדער זיינען געוועזן צו שוואך צוצובערעכען זיין מוטה, אָדער איהם צו צווינגען אראָפּצוגעהן אויף אַ טריט פון זיין וועג.

אָט אזוי האָט ער געלעבט אַ לאַנגען לעבען אין קאַמפּף. דער רעוואָלוציאָנערער גייסט און מוטה איז קיין מינוט ניט פערלאָשען געוואָרען אין איהם און פון דעם גרויסען פייער פון זיין ברענענדיגער נשמה האָט ער אָנגעצונדען פונ־קען פון אונצופריעדנהייט און רעבעליאָן אין טויזענדער פראָלעטאריער.

דעם גאַנצען לעבען האָט יאָהאַן מאָסט רע־וואָלטירט געגען אלע מעכטע פון דער ערד. ביז עס איז געקומען דיא נאַטור און האָט אין צוויי טעג געמאכט אַ סוף צו דעם פייערדיגען לעבען.

און אזוי איז יאָהאַן מאָסט געשטאָרבען אויפן שלאַכטפעלד אלס קעמפּפענדער רעוואָלו־ציאָנער און פראָלעטאריער. עהרע זיין אנדיינקען!

* * *

דעם ארטיקעל פון יעקב גאָרדין וועגען לאנגפעללאָ און זיין ווערק האָבען מיר לײדער נאָך ניט ערהאַלטען. מיר האָפען אָבער אז ביז צום נעקסטען חודש וועט אונזער פערעהרטער מיטארבייטער זיין פארטיג מיט דער ארבייט, און דיא לעזער וואָס וועלען שוין האָבען אריינ־געלעזען פיעל פון דער פרעכטיגער פּאָעמע, וועלען נאָך מיט מעהר אינטערעס לעזען דעם אר־טיקעל.

דורך אַ סיבה איז דער זאץ פון דער באלא־דע „אַ מופת פון שפּאָלער“ צושאָטען געוואָרען און דיא פערזען זיינען זעהר צומישט געוואָרען אזוי, אז („צוקונפט“ זייטע 26), דיא 8טע פערז, ציילענדיג פון אָנהויב קאפיטעל (ו), דאַרף זיין וויא פאָלגט:

באלד הערען זיך טריט אין דעם שטיבעל
עס זעהט זיך אין פענסטער אַ ליכט
עס עפענט זיך לאַנגזאם דיא טיהר אויף
און ס' ווייזט זיך אַ בלייכער געזיכט

נור באלד שפּרינגט דער פּנים מיט שרעק אָפּ
„אוי נעבע אַ בראָך איז צו מיר,
עס שטעהט אַ ניט גוטער אין דרויסען
אַ נאַקעטער ליין שטעהט אין טיהר“.

דער נאַקעטער שטעהט און מיט רעהרען
פארצײלט וואָס מיר איהם האָט פּאַסירט
„איך שווער אייך, דאָס איך בין קיין ליין ניט,
עס האָט נור אַ ליין מיך פערפיהרט“.

„איך האָב זיך געיאָגט נאָך אַ פויגעל
וואָס האָט זיך געשיפט אויף דעם טייך,
דער פויגעל געוועזן איז אַ כישוף
ניט שרעקט זיך דאָך — גאָט איז מיט אייך“.

* * *

ס'איז שטיל אין דעם קליינציגען שטיבעל,
און ס'הערט אין דער שטילקייט זיך קוים
דאָס כראָפּען פון נאַקעטען פרעמדען,
פערזונקען אין פריידליכען טרוים.

דערמיט ענדיגט זיך קאפיטעל (ו). און קאפיטעל (ז) פאַנגט זיך אָן וויא פאָלגט:

גאנץ פריה ווען דיא זונן האָט געשטיגען,
געזעהען האָט זיא... א. ז. וו., א. ז. וו.

א רכילות דורך א „לעגענדע“.

דר. זאלאטאראוו איז ארויס אין דער „פרייער ארבייטער שטימע“ מיט א קלאגע אז דיא „צוקונפט“ האט פארקלאפט פאר איהם דיא טהיר. און וויא נאך פארקלאפט! „א מיאוס'ען אפשניט האט ער געכאפט פון דעם „איינציגען“ וויסענשאפטליכען זשורנאל“.

אין וואס דער „מיאוסער אפשניט“ איז בעשטאנען, האט דר. זאלאטאראוו ניט דערצעהלט. ער האט אבער דיא „צוקונפט“ בעשטראפט דערמיט וואס ער האט דעם „איינציגען“ איינגעפענטעט אין גענזע־פיסכען (קאוויטשקעס רופט מען עס אויף אידיש (?) לערנט אונז יצחק אייזיק) און דערמיט איהם פערניכטעט.

דר. זאלאטאראוו האט ניט דערציילט אין וואס דער „מיאוסער אפשניט איז בעשטאנען“. אין דער ציוויליזירטער וועלט איז אפילו אנגענומען אז ווען מען מאכט א קלאגע, דערצעהלט מען פאקטען, און מען ברייננגט בעווייזע. אויב מען טהוט עס ניט, ווארפט מען א שטארקען השד ניט אויף דעם אנדערן, נור אויף זיך אליין.

דר. זאלאטאראוו האט געמאכט דיא קלאגע. און דער רעדאקטאר פון דער „פרייער ארבייטער שטימע“ איז געוועזן אזוי „פריינדליך“ צום „איינציגען זשורנאל“, אז ער האט אויפגעשריבען א גאנצע „רעכטפערטיגונג“(?) פאר אונז. נור אן אונגליק האט געטראפען: פון דעם סנגור איז געווארען א קטגור. און דיא „רעכטפערטיגונג“ האט זיך געענדיגט מיט אזא פסק: „דער איינציגער זשורנאל דערצעהלט אונז אלעמען א לעגענדע פון פרייע פלאטפארם“. ער געפינט עס פאר א „נארעריי“ וועלכע „איז איבריג און שעדליך“.

אין וואס אונזער גרויסער פערברעכען געגען דר. זאלאטאראוו און געגען דער פרייער פלאטפארם בעשטעהט, ווייסען היינט נאך ניט, ניט דיא לעזער פון „פרייע ארבייטער שטימע,“ ניט דיא לעזער פון דיא „צוקונפט.“ איצט קענען זיי עס אלע וויסען.

דר. זאלאטאראוו'ס „מיאוסער אפשניט“ איז בעשטאנען אין פאלגענדען בריעף צו איהם, וועלכען מיר דרוקען דא אות ביי אות:

נויארק, דזשענואריע, 1906.

ווערטהער דר. זאלאטאראוו!

אייער „אפענער בריעף“ קען אין דער פארם, אין וועלכע ער איז געשריבען ניט געדרוקט ווערען אין דער „צוקונפט“. איך האב אייך אונטערגעשטריכען עטליכע ווערטער, וועלכע זיינען אונמעגליך געדרוקט צו ווערן. פון „אן אלטען מארקסיסט“ ערווארט איהר אליז. „אן אלטער מארקסיסט“ איז נאך אייער מיינונג פעהיג אויף אליז, און „א יונגער שרייבער“ טאר ניט רייידען וועגען פאגראמען און בעוועגונג. און דעם „יונגען שרייבער“ בעהאנדעלט איהר אין אזא פערזענליך־בעליידיגענדער ארט, אז ביי מיין בעסטען ווילען קען איך עס ניט דורכלאזען אין דער „צוקונפט“.

איבערהויפט וויל איך בעמערקען, אז איהר האט דיא גאנצע פראגע אוועקגעשטעלט פאלש. איהר קוקט אויףביידע ארטיקלען וויא אויף פערזענליכע בעליידיגונגען. אין אמת'ן אבער זיינען קיין פערזאנען, אפילו דורך אנצוהערעניש, ניט דערמאנט. עס איז כאראקטעריזירט געווארען א געזעלשאפטליכע ערשיינונג, עס איז געשטעלט געווארען דיא פראגע: צו האט מען זיך געדארפט פעראייניגען מיט דיא רעאקציאנערען אדער ניט? איניגע, דיא וואס זיינען אריין אין דזשואיש דעפענס, האבען געזאגט: אין אזא צייט מוזען אלע אידען געהן צוזאמען, און זיי זיינען געגאנגען צוזאמען. אנדערע האבען געזאגט: דיא געלד זאמלונג, אפילו פאר דיא בעוואפנונג קען אונז צוליעב געוויסע פרינציפיעלע פערשיעדענהייטען ניט צווינגען צו געהן האנד אין האנד מיט דיא פינסטערלינגע און צו זיין מיט זיי פעראייניגט. אזוי האבען געזאגט דיא בונדיסטען, אזוי זאגט אויך דער „אלטער מארקסיסט“, כאטש ניט קיין בונדיסט.

ביידע, אי דער אלטער, אי דער יונגער האבען שארף פערדאמט דיא ריכטונג, וועלכע מען האט אין נויארק געגעבען א נאמען „בעלי תשובה ריכטונג“. איהר געפינט זיך פערזענליך בעליידיגט. איהר טענה'ט: איך בין 21 יאהר אין דער בעוועגונג. איך בין אלע מאל געוועזן א נאציאנאליסט, א. ז. וו. אבער דר. זאלאטאראוו, ווער האט כאטש דעם קלענסטען אנוויז געמאכט אויף אייך פערזענליך. דיא כאראקטעריסטיק וואס איז דארט געגעבען געווארען

פאסט ניט צו אייך. גאנץ גוט, אבער אויסער אייך זיינען דאך דא אנדערע. אדער צו וועט איהר לייקענען אז „בעלי תשובות“ זיינען דא? אז א גרויסער איבערקעהרעניש איז געשעהן אין דעם לאגער, וועלכער שטעהט נאהענט צו אייך?

איך וועל אייך ברייננגען צוויי עדים־מומחים: דר. זשיטלאווסקי, וועלכער שרייבט זאגאר א גאנצע רייהע בריעף „צו דיא אנטלאפענע“ און צו דיא „בעלי תשובות“ ביי וועמען דער נאציאנאלער געפיהל „פאקט נאך און מאזעלט,“ און וועלכע זאלען חלילה ניט ארויס געשטופעלט. דער צווייטער עדות איז דער רעדאקטאר פון דער „פרייער ארבייטער שטימע“. אין א פאר נומערן האט ער אויך גאר ניט „ווייך“ „א רייב געטהאן“ דיא בעלי תשובות און דיא פעראייניגטע. היינט פאר וואס דער גאנצער רעש? אין וואס בעשטעהט אזוי דער פערברעכען פון דעם אלטען און פון יונגען?

ווי געזאגט, איך בין גערן גערייט צו געבען אייך, אדער וועמען עס איז אן אנדערן פון צווייטען צד דיא געלעגענהייט צו בעגרינדען זייער האלטונג, צו פערטהיידיגען זייער פאזיציאן, פערטהיידיגען קלאהר, שארף, מיט אדער אהן „פאעטישע התלהבות“. אבער פאר קיין פראטעסט און אפענע בריעף פול מיט פערזענליכע רייבערייען און בעליידיגונגען, זעה איך, ביי מיין בעסטען ווילען קיין אורזאכע ניט. און דערפאר שיק איך אייך אייער אפענעם בריעף צוריק מיט דער פריינדליכער איינלאדונג אריינצושיקען איין ארטיקעל וועגען דער זעלבער פראגע, וועגען וועלכע געג. ראזענבלאט האט געשריעבען בעלויכטען און בעגרינדעט פון אנדערן שטאנדפונקט.

אויב איהר וועט פארציהען דעם „אפענעם בריעף“ צו פערעפענטליכען אנדערסוואו דאן פאדער איך פון אייך אזוי פיעל „פרעס פרייהייט“, איהר זאלט צו דערזעלבער צייט פערעפענטליכען אויך דעם גאנצען בריעף מיינעם, וועלכער ערקלעהרט פאר וואס אייער „אפענער בריעף“ איז ניט ערשיענען אין דער „צוקונפט“.

מיט אכטונג,

ד. ק. פארנבערג.

ווען דער רעדאקטאר פון דיא „פרייע ארבייטער שטימע“ וואלט געוואוסט אז ער פיגורירט אין דעם פראצעס אלס אן עדות, וואלט ער זיך, האפענטליך, ניט געאיילט צו נעהמען אויף זיך דיא ראלע פון א שופט. ווען דר. זאלאטאראוו וואלט געוואלט האבען צו א געגנער כאטש א קליינעם טהייל פון דער אכטונג און אונפארטייאישקייט, וועלכע ער פאדערט צו יעדען אות וואס געהט ארויס פון זיין פען, דאן וואלט ער פון דעם „מיאוסען אפשניט“ ניצול געווארען.

איצט אבער האבען ביידע פערשפרייט א „לעגענדע“ וועגען אונזער זשורנאל, וועלכע אויף דעם פשוט'ן לשון הייסט א פראסטע רכילות.

גרייט זיך צו דעם ערשטען סדר־נאכט

מאנטאג דעם 9 אפריל אין האליש טעאטער

ארראנזשירט פון „צוקונפט“ פרעסס פעדעריישאן



The Race of the Nations Towards Socialism.

צום סאָציאַליזמוס.

זיי לויפען דיא אומות, זיי יאָגען מיט אימפעט. אַריבער דעם באַרג און אַריבער דעם טהאל צום לעבענס־בעגייער, צום וועלטען־בעפרייער,
צום ריינעם, צום שיינעם, צום ליכט־אידעאַל....

די צוקונפט

No. 5. MAY 1906. Vol. XI

דער ערשטער מאַי

אננעהמענדיג דעם בעשלוס וועגען דעם ערשטען מאַי, האָט דער סאָציאַליסטישער ארבייטער קאָנגרעס אין פּאַריז ערקלעהרט, אַז דיעזער טאָג זאָלל זיין אַן אינטערנאַציאָנאַלער יום טוב, אין וועלכען דער פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט זאָלל אַוועקשטעלען זיינע פאָדערונגען און ספּעציעל דיא פאָדערונג פון אַ פערקירצטען 8־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. און אַזוי איז עס געבליעבען. דער דענקענדער ארבייטס־מאַן פון דער גאַנצער וועלט האָט מיט פרייד אָנגענומען דיעזען בעשלוס. און שוין אין דעם יאהר 1890, איז דער ערשטער מאַי געוועזן אַ טאָג פון דעמאָנסטראַציאָנען, פון פרייד, פון קאמפּף, פון פאָדערונגען. און ביז היינטיגען טאָג איז דער ערשטער מאַי געבליעבען דער אינטערנאַציאָנאַלער יום טוב פון דעם קלאַססען־בעוואוסטען פּראָלעטאַריאַט, — אַ יום־טוב, ניט ווען מען דערמאָנט זיך, וואָס עס איז אַמאָל געווען, זאָנדערן, ווען מען האָפט אויף וואָס עס וועט זיין. אַ יום טוב, ניט ווען מען פרעהט זיך מיט דעם וואָס מען איז פּטור געוואָרען פון אַמאָליגע צרות, זאָנדערן ווען מען האָט אין זינען דיא צרות, פון וועלכען מען וועט ערשט אַמאָל פּטור ווערען. ניט אַ יום טוב פון רוהע, זאָנדערן, פון קאמפּף. ניט פון דער פערגאַנגענהייט, זאָנדערן פון דער צוקונפט.

טאָ וואָס פאַר אַ מין משונה׳דיגער יום־טוב איז דאס ?

און איבערהויפּט, וויא קען דאס עפּעס זיין אַן אינטערנאַציאָנאַלער יום טוב ? דאס הייסט, דאָך עפּעס אַזא מין טאָג מיט וועלכען עס זאָלען זיך פרעהען אַלע פעלקער אין אַלע לענדער ! ווי קען דאָס זיין ? דייטשען און פראַנצויזען, רוסען און אידען זאָלען ביי זיך אין הארצען האָבען דעם זעלבען געפיהל. אין דער נשמה דיא זעלבע בעגייסטערונג און דיא זעלבע שטרעבונג, גלייך וויא זיי וואָלטען געווען בעשאַפען פון די זעלבע בלוט און פלייש, און וואָלטען בעלאַנגט צו איינער און דערזעלבער פאַמיליע, מיט דעם זעלבען גלויבען, מיט דעם זעלבען גאָט אין הארצען ! טאָ וואָס וועט דיא רעליגיאָן זאָגען ? וואָס וועלען זאָגען דיא אַלע פינסטערע און פערפינסטערנדע קליפּעס, וועלכע האַלטען דיא מענשען צוזעעט און צושפּרייט און אָבגעזונדערט איינעם פון דעם אַנדערן ?

טויזענדער יאהרען איז איבער דער וועלט ארום געגאַנגען דיא שווארצע מגפה. וועלכע האָט פער׳סם׳ט דאָס הארץ. פאַרפינסטערט דעם פערשטאַנד און בערויבט די נשמה; צו האָט זיך דיעזע שרעקליכע, גיפטיגע קרענק גערופען יודענטהום, צו קריסטענטהום, צו איז זיא ארום געגאַנגען אונטער אירגענד וועלכען אַנדערן נאָמען, האָט זיא שטענדיג און אָהן אויפהער געהאַלטען אין איין אָנרייצען איין מענשען געגען דעם אַנדערן; שטענדיג איינגעוואָרצעלט אין דעם אונוויסענדען, נאַררישען, בלינדען מוח דעם אַלטען, ניעדריגען און געמיינעם ליעגען, אַז דער פרעמדער, דער גוי, אָדער דער איד, אָדער מאַהאָמעדאַנער, אָדער גאָר דער געטצענדיענער, איז גאָר קיין מענש ניט, האָט קיין הארץ ניט, קיין נשמה ניט, און אַז מיר, נור מיר זיינען עס דיא „ערוועהלטע“, די צאַצקעס, דיא בעסטע און טהייערסטע און אַז מיר שלאָגען זיי, דיא פרעמדע, דארף עס אַזוי זיין, און בעסער קען עס גאָר ניט זיין. און דער מענשען־האַסס, —

דער איינצעלנער אינטערנאציאָנאליסט פון דער מענשהייט — פערכאַפּט דיא גאַנצע וועלט און פון איהר געוואָלט מאַכען א וויסטעניש. צו דעם צוועק און אונטער דעם ליעד פון פּאַטריאָטיזמוס און אין דעם נאָמען פון רעליגיאָן, האָט ער יעדען איינגעגעבען גיפט אין הארצען. זיי האָבען אויפגעהערט צו זיין מענשען און זיינען געוואָרען נור טערקען, פראנצויזען, דייטשען, אידען, רוססען, פּאָליאקען, ענגלענדער, ציגיינער, ארמעניער, א. ז. וו. א. ז. וו. צושפּאָלטען און צוריסען אָהן אָן עק, אָהן א שיעור, — און דער מענשען־האַסס האָט געטאנצט זיין עוויגען טייוועלשען טאַנץ פון רעליגיאָן, פּאַטריאָטיזמוס און נאציאָנאַלען האַסס. און בלוט, בלוט, בלוט האָט זיך געגאָסען אין אַלע ווינקעלאך פון דער וועלט.

אָבער דער פערשטאַנד איז געוואָרען רויט פון שאַנדע פאר זיין פערגאנגענהייט, רויט פון כעס, אויף דיא געגענוואַרט, און פון גליהענדע האָפנונג אויף דיא צוקונפט. עס ווערט א רעוואָלוציאָן. געגען דעם מענשען־האַסס טרעט ארויס זיין שונא, זיין אייביגער, אונערמיעדליכער בלוט־פיינד, — דיא מענשען־ליעבע.

זיא פיהרט עס דיא מלחמה! זיא איז דער געניאַלער פעלד־מארשאַל, וועלכע־פיהרט דיא מענשהייט אויף'ן וועג פון פּראָגרעס צום ענדליכען זיעג. איהר הויפּט וואַפע איז דיא וואהרהייט. איהרע הויפּט וועכטער זיינען דיא לאָגיק און דיא גערעכטיגקייט.

זייענדיג פּונקט אזוי אינטערנאציאָנאַל ווי דער מענשען־האַסס, קומט זיא אָבער ניט פון דיא פינסטערניש. זאָנדערן פון דעם קוואַלל פון ליכט: זיא איז אליין די ליכט; דערפאר זעהט זיא אַללעס; דערפאר איז זיא קיין מאָל ניט בלינד. דערפאר פערשטעהט זיא אַלע שווינדלערישע פּאָקוסען פון מענשען־האַסס און בעקעמפּפט איהם.

דיא מענשהייט האָט סוף כל סוף דאָך ארויפגעזעצט אויף'ן טהראָן דיא ריינע פערנונפט; און עס איז געקומען, וויא טהאָמאס פּען דריקט זיך אויס—„דהי עידזש אָוו ריזאָן“, דיא צייט פון שכל. דאָס איז געוועזען אין אכטצעהנטען יאהרהונדערט. דיא מענשען־ליעבע האָט דעם מענשען־האַסס געצוואונגען צו א גענעראַל־שלאַכט.

וויא אין יעדען גרויסען שלאַכט, האָט זיך דער ערשטער שאָס דערהערט אויף אן אָבגעזונדערטען פּאָסטען, ווייט פון דיא הויפּט־ארמעע. דאָס איז געוועזען אין ווייטען, פערוואָרפענעם אמעריקא; אין 1776 האָט מען אין פילאדעלפיא אונטערגעשריעבען „דיא דעקלאַריישאַן פון אונאבהענגיגקייט.“ און בלויז אין איינע דרייצעהן יאהר, האָט זיך דיא שלאַכט שוין אזוי פערשפּרייט, אז זיא האָט אזש דערגרייכט ביז פראנקרייך. דיא מענשען־ליעבע האָט אטאַקירט דעם מענשען־האַסס אין איינע פון זיינע הויפּט־פעסטונגען: דאָס ערוואַכטע פאָלק האָט גענומען דיא באַסטיליע. דאָס איז געוועזען דעם 14טען יולי, 1789.

און פּונקט אין א הונדערט יאהר ארום, צום אָנדענקען פון דיעזען גרויסען זיעג, האָט דיא מענשהייט געשיקט איהרע קינדער צו א קאָנגרעס אין פּאַריז. דאָס איז געוועזען דער אינטערנאציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס פון 1889.

פרעגט זיך: וואָס איז געוועזען דיא פּפליכט פון דעם קאָנגרעסס צו טהון? מיט וואָס האָט ער געקענט אויף א פּאַססענדען וועג פערוויגען דעם אָנדענקען פון דעם פאַללען פון דיא באַסטיליע?

אמת, א זיעג איז דאַן געוועזען א גרויסער, א געוואַלדיגער: עס איז געפאַלען דיא קרוין; עס האָבען זיך איינגעהויקערט די קלויסטערס; פון דעם ארבייטער'ס פּלייצע זיינען אראָפּ דיא אדעליגע און דיא גלחים; דיא משא איז געוואָרען לייכטער; מען האָט זיך אביסעל געקענט אויסגלייכען דעם רוקען.

אָבער וויא גלענצענד עס זאָל ניט זיין דער ערפאָלג פון איין שלאַכט, איז אָבער די מלחמה נאָך ניט אין גאנצען געוואונען. דער מענשען־האַסס איז וויא דיא מכשפה אין דיא פּאַבעל: ער קען זיך פערשטעלען אין אלערליי געשטאַלטען: איז ניט דיא קרוין, איז ער דער גאָלד־זאַק. איז ער ניט דער געזאַלבטער אויף'ן טהראָן, איז ער דער אָנגעשטאָפּטער אין דער קרוים. איז ער ניט דער אדעליגער אין זיין שלאָסס, איז ער דער פאבריקאנט אין זיינער פאבריק. איז ער ניט דער שווערט, איז ער דער קאפּיטאַל; קייטען שמידעט ער סאַי־ווי־סאַי.

מוז מען איהם אַלזאָ ווייטער בעקעמפּפען.

און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קאָנגרעס אין פּאריז האָט פאר זיך געהאט א צווייעדיגע אויפגאבע. ער האָט געדאַרפט אנערקענען און אונטערצייכנען דעם זיעג פון הונדערט יאהר צוריק. און אין דער זעלבער צייט ערקלערען, אז ניט דיא גאנצע מלחמה איז געענדיגט, אז דער קריעג געהט נאָך אָן, — א גרויסער, א שווערער, א בלוטיגער קריעג. ער האָט אלזאָ געדאַרפט אונטערצייכנען דעם איטאָג, דיא אונטערשטע שורה פון דעם ערשטען זיעג און ווייטער מאַכען א ווייטערע צייכנונג פון דעם פּלאַן פון דיא קומענדע שלאַכטען.

דאצו איז נור געווען איין וועג: מען האָט געדארפט ווייזען, אז פון דער באַסטיליע, פון קייזערליכען האָף, פון צארסקען דוואָרעץ, פון דיא קייזערליכע פעסטונג, האָט זיך דער מענשען האסס פערכאפט אויף אנדערע פּאָזיציעס, — אין דיא פאבריק, אין געלד־זאַק.

פון א נאציאָנאַלען קעניג איז דער שונא געוואָרען אן אינטערנאציאָנאַלער רויבער. האָט מען געמוזט מאכען אן אינטערנאציאָנאַלען אויפרוף, אז מען זאָל זיך ניט לאָזען בעראבעווען. דארין בעשטעהט דער וויטערער קאמפף.

אָבער ריכטיג צו בעקעמפפען דעם שונא, מוז מען גרינדליך פערשטעהען זיין מאכט און וואו זיא שטעקט.

דיא הויפט־פראגע איז אלזאָ, וואָס איז דער קאפּיטאַליזמוס?

אויסלערנענדיג דיא גאנצע תורה אויף איין פוס, איז דיא קאפּיטאַליסטישע רויבעריי בלויז אונבעצאהלטע ארבייט; פּראָפיט, רענט, און פּראָצענט. — דיעזע היילינע דריי־איינינקייט פון קאפּיטאַליזמוס — זיינען ניט מעהר וויא ארבייטס־שטונדען, פון וועלכע דער ארבייטער קריעגט ניט וואָס ער האָט אויסגעארבייט.

דאס איז דיא הויפט־פּאָזיציאָן, פון קאפּיטאַל. מען האָט אלזאָ דעם מענשען־האסס, וועלכער האָט זיך יעצט פארשטעלט אין דיא פאָרמע פון פּריוואַט־אייגענטהום אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, געמוזט ווייזען, אז מיר ווייסען אז זיין גאנצע קראפט איז אין אונבעצאהלטע ארבייט.

דאָס זאָגען מיר ארוים מיט דיא פּאָדערונג פון א פערקירצטען ארבייטס־טאָג.

דאס איז דער זין פון דעם ערשטען מאַי. אן אינטערנאציאָנאַלע יום־טוב, וויל דער שונא איז שוין ניט מעהר נאציאָנאַל. א יום־טוב פון פאָדערונג, וויל דער קאמפף פיר דיא בעפרייאונג דער מענשהייט האָט זיך נאָך ניט געענדיגט, און דער ערוואַכטער ארבייטס־מאַן, איז נאָך'ן פאַללען פון דער באַסטיליע, נאָך'ן זיעג איבער'ן קעניג, געוואָרען ביי זיך צו שטאָלץ צו בעטען, און געגנוג קלאססען־בעוואוסט צו פאָדערן און ס'איז א יום־טוב פון א פערקירצטען ארבייטס־טאָג, כדי דאָס זאָל זיין דעם קאפּיטאַליזמוס אויף פארקירצטע יאהרען.

אָט פארוואָס דער ערשטער מאַי איז דער זיעסטער טאָג אין דעם פריהלינג דער מענשהייט!

מ. זאמעטקין.

פון וואנען נעהמט זיך דער גלויבען אין גאָט

פון פּאול לאפארג.

3.

מען דארף חלילה ניט מיינען, אז דער געדאנקען וועגען א גאָט, וואָס איז איינגעפּלאנצט געוואָרען אין דעם מענשען'ס מוח דורך דיא סודות פון דער נאַטור־וועלט און דורך דאָס „גישט אויסגעפאָרשטע" אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, בלייבט א חוק עולם און ענדערט זיך נישט. אדרבא, אין אן אנדער צייט, אין אן אנדער אָרט איז אויך אנדערש דער דאָזיגער געדאנק; ער ענטוויקעלט זיך נאָך'ן מאָס נאָך, וויא עס ברייטען זיך אוים דיא פאָרמען פון פּראָדוקציאָן און וויא עס בייט זיך דיא סאָציאַלע אומגעבונג.

ביי דיא גריכען, רוימער און דיא פעלקער פון דער אלטער וועלט האָט דער העדר גאָט געוואוינט אין א בעשטימטען אָרט און זיין גאנץ אויפטהון איז נאָר געווען אז דיא פערעהרער זיינע זאָלען אויפגעריכט ווערען, און דיא שונאים — זאָלען קייען דיא ערד. איטליכע פאמיליע האָט א חוץ דעם געהאַט איהרע באַזונדערע געטער; דאָס זיינען געווען דיא נשמות פון דיא פערגעטערטע אבות. אויך איטליכע שטאָדט האָט געהאַט אן אייגענעם גאָט, וואָס האָט זיא געדארפט באשיצען פון שלעכטס און ביי דיא גריכען האָט דאָס געהייסען „דער שטאָדט־גאָט". דער מין גאָט (א מאָל איז דאָס געווען א געטין), האָט געוואוינט אין א טעמפּעל, וואו ס'איז געשטאנען זיין סטאטוע געמאכט פון האָלץ אָדער פון שטיין. דיא אבות־געטער האָבען זיך בעשעפטיגט נאָר מיט פאמיליען־אנגעלעגענהייטען. דער יהוה פון חומש איז געווען א גאָט אָט פון דעם סאָרט. ער האָט

געוואוינט אין אַ הילצערנעם קאַסטען, אַן ארון, וואָס מען פלעגט מיט־נעהמען מיט זיך, ווען די שבטים פלעגען משנה מקום זיין. מען פלעגט דעם קאַסטען טראָגען פאָראויס פאַר'ן חיל, כדי יהוה זאָל פיהרען מלחמה פאַר זיין פאָלק. אמת, אַ שטרייננגער גאָט איז ער געווען, אַן אל נוקם ונוטר, אָבער דאָך, וויא דער חומש דערצעהלט, האָט ער געטהון דעם פאָלק זיינעם אַ סך טובות.

ווען דער שטאָדט־גאָט איז געווען נישט פעהיג צום געשעפט אָדער ער האָט זיך אַביסעל אונטערגעפוילט, פלעגט מען איהם געבען געוועהנליך פאַר אַ געהילף נאָך איין גאָט. צום ביישפיעל, די רוימער אין צווייטען פונישען קריעג האָבען געלאָזט אַרונטערברייננגען פון קליין אַזיען די סטאַטוע פון דער געטין קי־בעלע, כדי זיא זאָל זיי העלפען אין זייער שטרייט מיט האַניבאַל'ען. און די קריסטען האָבען אייגענטליך אויך נישט געהאַט קיין העכערען בעגריעף וועגען גאָט. פאַר וואָס פלעגען זיי צושטערען טעמפלען און צוברעכען די סטאַטוען? ווייל זיי האָבען גערעכענט, אַז ווען די געטער וועלען בלייבען אין מיטען גאַס, וועלען זיי נישט קענען מעהר פערטהיידיגען די עבודה זרה'ס.

די ווילדע האָבען געהאַלטען, אַז די נשמה זעהט אויס וויא דער מענשליכער קערפער, און אַלע זייערע הילצערנע און שטיינערנע געטער, ווען זיי זיינען אַפילו פערקערפערט אין חיות, האָבען דאָס דערפאַר אַ מענשליכע געשטאַלט. דער גאָט פון אַפּאָסטעל פאולוס און פון די איבריגע תלמידים פון יעזוס קריסטוס האָט אויך אויסגעזעהען וויא אַ מענש. זיי האָבען זיך בעשאַפען אַ גאָט־מענשען, וואָס איז געווען געגליכען צו זיי גופא סיי קערפערליך, סיי גייסטיג. דער גאָט אָבער פון היינטיגען קאַפּיטאַליסט איז שוין אַ גאַנץ אַנדערער: ער האָט נישט קיין קאָפּ און נישט קיין פיס, נישט קיין לייב און לעבען, און איז א קאַסמאָפּאָליט, אַן אַלוועלטליכער בירגער; ער איז פול אומעטום; וואו מען זעעט איהם נישט, דאָרטען וואַקסט עס.

נישט די גריכען און רוימער, און נישט די אידען און די ערשטע קריסטען האָבען געהאַלטען זייער גאָט פאַר אַן איין אייניציגען. פונקט אַזוי חשוב וויא יהוה, איז געווען ביי די אידען מלך, בעל און די אַנדערע געטער פון די פעלקער, מיט וועלכע זיי האָבען געפיהרט קריעג. און ווען די קריסטען פון די ערשטע יאַהרהונדערטע און פון מיטעלאַלטער האָבען געמאכט אַש און רויך פון יופיטער דעם גריכישען גאָט, און אַללאַה דעם מחמד'אַנישען גאָט, האָבען זיי דאָך אויך יענע פיינדליכע געטער געהאַלטען פאַר געטער (אמת פאַר פאַלשע), וועלכע קענען בעווייזען מופתים נישט ערגער להבדיל פון יעזוס'ן און פון גאָט — דעם טאַטען.

אָבער דער היינטיגער קאַפּיטאַליסט, וועלכער האָט מיט זיין גאָט אָנגעפּיקעוועט די גאַנצע ערד, האָט געמוזט, פערשטעהט זיך, אויך קומען צום געדאַנק נאָר פון איין אייניציגען גאָט. און נאָך מעהר: אַזוי וויא זיין גאָט דאַרף זיך געפינען איבעראַל אין איין צייט, קען ער איהם דערפאַר נישט געבען דעם קערפּער פון אַ לעבעדיגער בעשעפענים, וויא האָמער האָט עס למשל געטהאָן מיט יופיטער אָדער פאָולוס מיט יעזוס.

די פערשיעדענע שטאָדט־געטער אין די אַלטע צייטען, ווען די שטעדט האָבען שטענדיג געהאַלטען מלחמה מיט די ארומיגע פעלקער, האָבען באַקומען אַ טויט־קלאַפּ, וואָס מעהר עס האָבען זיך ענטוויקעלט האַנדעל און אינדוסטריע. דאָ איז מען שוין געווען געצוואונגען צו לעבען בשלום מיט די ארומיגע פעלקער. אין דעם זעקסטען־זיעבענטען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער וועלטצעהלונג געפינען מיר אין די גריכישע שטעדט, וואָס ליעגען ביים ים, אַ סך בעמיהונגען איינצופיהרען איין רעליגיאָן. די געטער, הייסט דאָס זאָלען מעהר ניט זיין מאָנאָפּאָליזירט פון איין שטאָדט, און פערשיעדענע פעלקער, אַפילו די שונאים, זאָלען צו די דאָזיגע געטער מתפלל זיין. די נייע געטער (איזיס, דעמעטער, דיאָניזאָס, מיטהראַ א. ז. וו.) האָבען נאָך אויסגעזעהען וויא מענשען, אָבער געפיהלט האָט מען שוין די נויטיגקייט צו האָבען אַ גאָט אָהן אַ מענשליכען אנבליק. דער געדאַנק פון אזא מין העכערען גאָט איז אין גאַנצען אויסגעפיהרט געוואָרען ערשט אין דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע. דער נייער גאָט אָהן שום קערפּערליכע פאָרמען האָט דאָך געמוזט איינשטימען מיט דער נייער אונפּערזענליכער פאָרמע, וואָס אייגענטהום האָט אָנגענומען (אַקציען־געזעלשאַפטען).

דאָס אונפּערזענליכע אייגענטום האָט געענדערט נישט נאָר די גיינג, די מדות די מנהגים פון דער בורזשואזיע, אַפילו איהר אַרט פון דיינקען. ביז דאַנען האָט מען געקענט זיין למשל אַ בעל־הבית פון אַ וויינגאָרטען אין באָרדאָ, פון אַ וועבפאַבריק אין רואַן, פון א הוט פאַבריק אין מאַרסעיל אָדער פון אַ קראָם אין פאַריז. אָבער מיט'ן אונפּערזענליכען אייגענטום איז די מעשה אנדערס: אַן אייזענבאַהן, אַ מינען־גרוב, אַ באַנק א. ז. וו. האָבען אויף זיך טויזענדער בעל־הבתים, און מצד השני

קאַן איין קאַפּיטאַליסט פערמעגען פראַנצויזישע, פּרייסישע, טערקישע און יאַפּאַנישע שטאַאַטס־פּאַפּיערען, און אַקציען פון טראַנסוואַלער גאָלד־פעלדער, און פון עלעקטערישע קאַרס אין כינאַ, און פון פּאַסאַזשיר־שיפען וואָס געהען אויפ'ן ים. און פון קאָפּע פּלאַנטאַזשען אין בראַזיליען, און פון פראַנצויזישע קאָהלען־גריבער, א. ז. וו. צו דעם חלק פון אונפּערזענליכען אייגענטהום, וואָס דער קאַפּיטאַליסט פערמאָגט, קאַן ער נישט האָבען אַזאַ ליעבע, וויא דער קליינבירגער צו זיין אייגענעם קליינעם געשעפט. רייך ווערט ער פון דיא דיווידענדען (פּראָצענטען), און איהם איז אייגענטליך אַלין איינס, פון וואַנען ער זאָל זיי נישט בעקומען — פון אַ באַוועל־פאַבריק, צו פון אַ צוקער־פאַבריק, פון אַ פאַריזער אונטערנעהמונג צו פון אַ פּעקינער. איין פּנים האָבען ביי איהם דיא פערשיעדענע אינדוסטריען און דיא פערשיעדענע לענדער, דעם פּנים פון אַ פּאַפּירעל וואָס ברייננט אריין דיווידענד און וואָס מען קאָן קריעגען אויף דער בערזע. ווייטער אַרט איהם גאָר נישט.

דאָס אונפּערזענליכע אייגענטהום, וואָס כאַפּט ארום אַלע אינדוסטריען און רייט אויפ'ן פערד פון איין עק וועלט ביז'ן אַנדערן, איז אַ קאַרגער אויסקלייבער און זויגט אויס גאַנץ עגאַל קריסטען, מהמד'אנער, בודהיסטען און געצענדיענער. היות וויא אָנצוזאַמלען עשירות איז פאַר'ן בורזשואַ דאָס הויפּטזעכליכע אויפטון, דער איינציגער חיות, דיא שטאַרקסטע ליידענשאַפט, האָט זיך אין זיין גייסט געדאַרפט דאַרום איינפּרעסען דער געדאַנק פון איין איינציגען קאָסמאָפּאָליטישען אייגענטהום, וואָס שליעסט אין זיך איין דאָס אייגענטהום פון כל המינים און כל העמים, און אָט דער געדאַנק האָט אויך געדאַרפט בעאיינפלוסען זיין אויפפאַסונג פון גאָט. נישט־ווילענדיג ברייננט אויף אַזא'ן אופן דאָס אונפּערזענליכע אייגענטהום דערצו, אַז פון אַלע געטער פון דער וועלט ווערט איין איינציגער קאָסמאָפּאָליטישער גאָט, וועלכער טראָגט נאָר אין פערשיעדענע לענדער פערשיעדענע נעמען: יעזוס, אללאה, בודאה, א. ז. וו.

מען קאָן טאַקי זאָגען, אַז דער געדאַנק פון אן איינציגען גאָט, וואָס האָט געלעבט אין דעם משך פון דורות און דורות נאָר אין דיא קעפּ פון דיינקער, איז ערשט געוואָרען אן אַלגעמיינע זאַך דורך דיא קאַפּיטאַליסטישע ציוויליזאַציאָן. אָבער אַזוי וויא אַ הוין דעם קאָסמאָפּאָליטישען אונפּערזענליכען אייגענטהום עקזיסטירט נאָך עד היום אין אַ גאַנץ גרויסער צאָהל פערזענליכע אייגענטהום אין אַ בעשטימטען אָרט, דאַרום געפינט איהר אין דעם מח פון קאַפּיטאַליסט צוזאַמען מיט'ן איינציגען קאָסמאָפּאָליטישען גאָט אויך אָרטיגע געטער, וואָס זעהען אויס וויא מענשען. דיא טיילונג פון דיא פעלקער און נאַציאָנען, וועלכע קאָנקורירען צווישען זיך אין האַנדעל און אינדוסטריע, צווינגט דיא בורזשואַזיע פּאַנאַנדערצוברעקלען איהר איינציגען גאָט אין אַזוי פיעל געטער, וויא פיעל נאַציאָנען עס זיינען פאַראַן. און איטליכע קריסטליכע נאַציאָן גלויבט דעריבער, אַז דער קריסטליכער גאָט, זייענדיג אין דער זעלבער צייט דער גאָט פון אַלע קריסטען, איז נאָר זיין ספּעציעלער נאַציאָנאַל־גאָט, וויא אַ שטייגער יהוה איז געווען דער אידישער נאַציאָנאַל־גאָט און פּאַלאַס אַטהענע — דער אַטהענישער (דיא איינוואוינער פון אַ שטאָדט אין אַלט־גריכענלאַנד). ווען צוויי קריסטליכע נאַציאָנען צושלאָגען זיך, איז יעדער איינע מתפּלל צו איהר נאַציאָנאַל־גאָט, ער זאָל איהר העלפען מנצח זיין דעם שונא, און נאָכ'ן נצחון בעדאַנקט מען איהם פאַר זיין הילף. דיא געצענדיענער לאָזען וועניגסטענס זיך רייסען פאַר דיא נעזער זייערע פערשיעדענע געטער, ביי דיא קריסטען שלאָגט זיך דער איינציגער גאָט מיט זיך אליין. דער איינציגער קאָסמאָפּאָליטישער גאָט וועט נאָר דאַן ארויסשטופּען פון דעם בורזשואַ'ס מח דיא נאַציאָנאַל־געטער, ווען אַלע בורזשואַ־נאַציאָנען וועלען זיך צונויפגיעסען אין איין נאַציאָן.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלין.

דער בעזיטצער פון אַ פעלד, פון אַ ווערקשטאַט, פון אַ קראָם קאַן זיין אייגענטהום זעהן, מעסטען, אָנריהרען, אָבשאַצען. אָבער דער, וואָס פערמאָגט אַקציען פון מלוכה־באַנק, פון קאָהלען־גריבער, אייזענבאהנען, פערזיכערונגס־געזעלשאַפטען, א. ז. וו., קען זיין חלק פון דיא אַלגעמיינע עשירות נישט זעהן, נישט מעסטען, נישט אָנטאַפּען. וואו געפינט זיך זיין חלק? אין וועלכען וואַלד, אין וועלכען וואַגאָן, אין וועלכער טון קאָהלען, אין וועלכען געלד־קאַסטען פון דער באַנק, אין וועלכען מלוכה־בנין? און אַגב אויב ער האָט אפילו געזעהען לאָקאָמאָטיוען און טונעלען און אייזענבאהן־סטאַנציעס, האָט ער אָבער קיין מאָל נישט געקאַנט זעהן דאָס בילד אין גאַנצען פון אן אייזענבאהן אָדער אַ מינען־גרוב. און דאָס אונפּערזענליכע אייגענטהום, וואָס ער איז אין איהם אַ שותף, קאַן נאָר אָננעהמען אין זיין פאַנטאַזיע אן אונגעוויע אונבעשטימטע פאָרמע; גיכער דיא פאָרמע פון אן אבסטראַקט, איידער פון אַ שטיקעל ווירקליכקייט. און דאָך, אָט דאָס זעלביגע טאַקי אונפּערזענליך אייגענטהום, וואָס ער, דער קאַפּי־

טאליסט, קאָן אפילו נישט א גלעט טון מיט דער האנד, בעזאָרגט איהם מיט אלץ, וואָס א זינדיגער מענש דאַרף האָבען, וויא דער גוטער טאַטע־פאטער פון דיא קריסטען, און פערלאַנגט פון איהם קיין שום ארבייט נישט, א חוץ ווי אריינלעגען אין טייסטער דיא דיווידענדען. ער נעהמט דאָס צו וויא א חסד מן השמים. דער קערפּער איז פויל און דער גייסט איז פויל. און פונקט וויא ער ברעכט זיך נישט דעם קאָפּ צו דערגעהן דיא נאטור פון'ם אונפערזענליכען אייגענטהום, וואָס עס ברייננגט איהם אריין דיא דיווידענדען, אזוי איז איהם אויך אלץ איינס, צו זיין איינציגער קאָסמאָפּאָליטישער גאָט איז א מאַנסביל, א פרוי אָדער א חיה להבדיל, אינטעליגענט אָדער ניט, צו ער איז מעכטיג, ווילד, גוט, פול מיט יושר און צו ער האָט איבערהויפּט אלל' דיא מעלות פון דיא אמאָליגע געטער מיט א מענשליכען אנבליק.

דאָס אונפערזענליכע אייגענטהום האָט אלזאָ פּערוואנדעלט דעם קריסטליכען גאָט־מענשען אין א גאָט אָהן א פאָרמע, אין א וועזען אָהן בלוט, אין א געדאַנק. שוין דערמיט גופא איז צוגענומען געוואָרען פון דעם רעליגיעזען געפיהל פון דער בורזשואזיע זיין גאנצע היציגקייט, וואָס אין דיא פריעהערדיגע צייטען האָט דאָס ארויסגערופען דעם פאנאטיזמוס־קדחות פון דיא מארטירער, דיא קרייצפאהרער, דיא אינקוויזיטאָרען. רעליגיאָן איז יעצט געוואָרען א געשמאַק־זאַך, א שטייגער וויא אכילה, וואָס יעדערער לאָזט זיך קאָכען וויא ער גלייכט: מיט פוטער אָדער מיט אויל, מיט קנאָבעל אָדער אָהן קנאָבעל. ביי דער קאפּיטאליסטישער בורזשואזיע קען דארום נישט נושא חן זיין דער אינקוויזיטאָרישער דעספּאָטיזמוס פון דער קאטוילישער אמונה, וואָס קריעכט אריין וויא א שלאַנג אין אלע קלייניגקייטען פון פריוואט־לעבען און מיט איהר בלינד־דיסציפּלינירטער אָרגאניזאציאָן איז זיא א שטערונג פאר דער עפּענטליכער אָרדנונג.

און אזוי וויא דעם קאטאָליציזמוס, האָט דער בורזשוא אויך נישט געקאָנט אריבערטראַגען דיא טיראַניי פון דיא צעכען, און ער האָט זיי צושמעטערט: יאָגענדיג זיך נאָך עשירות, האָט ער געוואָלט האָבען זיין וועג פריי. דיא צעכען פלעגען קאָנטראָלירען דיא קוואליטעט פון פראָדוקט. יעצט הייננט אָב דיא קוואליטעט אין אלעמען פון דעם פאבריקאנט'ס און דעם סוחר'ס געוויסען. דאָס איז דעם קונה'ס דאגה צו זעהן, אויב מען נאַרט איהם נישט אָב. יעדערער פאר זיך און גאָט, דאָס געלד הייסט גאָט, פאר אלעמען.

דער קאפּיטאליסט קען נישט זיין נישט מארטירער און נישט אינקוויזיטאָר, און יאָגען זיך נאָך גרים איז פאר איהם אויך קיין עסק נישט. דאָס לעצטע איז ביי דיא ערשטע קריסטען געווען א פראגע פון לעבען, ווייל בזה הדרך האָט זיך דאָך פערגרעסערט דאָס חיל פון דיא אונצופריעדענע, וואָס האָט בעקעמפפט דיא געצענדיענערשע געזעלשאפט. פון דעסטוועגען אין גאנצען פריי פון גרים־מאכעריי, פּראָזעליטען־ארבייט, איז דער היינטיגער קאפּיטאליסט ניט. אמת, ער טוהט דאָס אהן בעגייסטערונג, אָהן איבערצייגונג. און נאָר מיט צוויי עלעמענטען בעשעפטיגט ער זיך: דאָס זיינען דיא פרוי און דער לוין ארבייטער.

דיא פרוי מוז טאָן, וואָס ער וויל. ווען זיא איז אנאנדערענ'ס ווייב און ער האָט אויף איהר געוואָרפען אן אויג, דאַן זעהט ער זיא מיט זיין צונג צו בעפרייען פון אלע רעליגיעזע פערבאָטען מכח זנות. אָבער פון זיין אייגענער געזעצליכער פרוי פאָדערט ער אונבעדינגטע טרייקייט און אויפ'ן סמך פון דיא זעלבינע טאַקי רעליגיעזע פערבאָטען.

דער לוין ארבייטער מוז זיין צופריעדען מיט זיין גורל. דיא געזעלשאפטליכע שליחות פון אן עקספּלואטאטאָר פערלאַנגט פון דעם בורזשוא, אז ער זאָל פערשפּרייטען דיא קריסטליכע אמונה, וועלכע זאָגט בפרוש, אז גאָט אליין — ברוך הוא וברוך שמו — האָט איינעם געמאכט פאר א בעל־הבית און דעם צווייטען פאר א קנעכט. פאר'ן בורזשוא איז דורכאויס זעהר וויכטיג, אז דיא לוינארבייטער זאָלען זיך וואָס מעהר און וואָס שארפער חקיר'ען איבער פראגען פון רעליגיאָן, איבער פראגען פון יושר, פרייהייט, מאָראל, פאטערלאנד און ד. גל., כדי עס זאָל זיי נישט פערבלייבען איין מינוט צייט א קלער צו טהון וועגען זייער קלעגליכע לאגע און וויא אזוי זיא צו פערבעסערען. דיא אינדוסטריעלע בורזשואזיע נויטיגט זיך דארום אין פאכלייט, ספּעציאליסטען, וואָס זאָלען פערפיהרען דעם לוינארבייטער אָט מיט דער שווינדלערישער און דעם מח פערשטאָפּענדיגער מעטאָדע. ער האָט זיי געפונען פארטיגע — אין דיא גייסטליכע. איז אָבער וויעדער א צרה. אין חומש ווערען ארויסגעזאָגט א סך סאָציאליסטישע געדאנקען. גיט מען זיך מסתמא אן עצה. ראקפעלער למשל האָט געגרינדעט א טראָסט אויף אָרויסצוגעבען חומשים פאר'ן פאָלק, און אָט דיא חומשים זיינען פאָלשטענדיג אויסגערייניגט פון סאָציאליזמוס: פון דעם בעקלאָגען זיך אויף דער אונגערעכטיגקייט פון דיא רייכע איז

דאָרטען קיין זכר נישט געבליעבען... און וואָס טהוט דיא קאַטוילישע קירכע? פערוועהרט זיא נישט איהרע טרייע שעפּסעלעך צו לעזען דיא ביבעל? און האָט זיא נישט פערברענט לעבעדיגערהייט וויקלעף׳ן, וואָס האָט דער ערשטער איבערזעצט דיא ביבעל אין דיא פאָלקסשפּראַך? פערשטעהט זיך, אַז דיא אינדוסטריעלע בורזשואַזיע אונטערשטיצט דיא גייסטליכע פאַר זייער דיענסט מיט אַ ברייטער האַנד, אי פּאָליטיש, אי פינאַנציעל, כאָטש אין דער זעלבער צייט האָט זיא זיי גוט פיינד פאַר זייער זשעדנעקייט און זייער שטעקען דיא נאָז אין פאַמיליען־אַנגעלעגענהייטען.

4.

וויא פיעל כח מען האָט נישט אוועקגעלייגט אין איירָאָפּאַ און אין אַמעריקאַ אויף צו מאַכען דאָס פּראָלעטאַריאַט קריסטליך, איז דערפון גאָר נישט ארויס. און מערקווירדיג: בעת דיא ענטוויקלונג פון מאַשינעריי אין דער פּראָדוקציאָן האָט געמאַכט דעם בורזשואַ רעליגיעז, האָט זיא געהאַט אויף דעם פּראָלעטאַריער גאָר אַנאַנדער ווירקונג: זיא מאַכט איהם דוקא פאַר אַן אַפּיקורס.

אזוי וויא עס איז גאַנץ לאָגיש פאַר׳ן קאַפּיטאַליסט צו גלויבען אין אַ גאָט, וועלכער לאָזט איהם נישט איינטון אַ פינגער אין קאַלטע וואַסער און בעזאָרגט איהם שוין מיט אַל׳דאָס גוטס, איז נאָך אַ סך לאָגישער פאַר׳ן פּראָלעטאַריער צו לייקענען אין דער עקזיסטענץ פון אַ גאָט. ער וויים אויסגעצייכענט, אַז וויא פיעל ער זאָל זיך נישט צובעטען ביים געטליכען פאַטער, וועט איהם יענער נישט ארונטערוואַרפען פון הימעל זיין טאָג׳ס חיונה. ער וויים אַ בעסערע זאַך: אַז דורך זיין שוויים מוז ער פערדיענען דעם לוין, וואָס גיט איהם דיא מיטלען צום לעבען, און אז ער זאָל נישט ארבייטען, וועלען נישט העלפען קיינע געטער אויפ׳ן הימעל און אלע ל״ו׳ניקעס אויף דער ערד, און ער וועט קראַפּירען פון הונגער וויא אַ הונד. אין זיין לעבען טרעפט זיך נישט גאָר פון העלער הויט עפּעס אַ גליקליכער צופאַל, וואָס זאָל איהם ארויסרייסען פון זיין טרויעריגער לאַגע. געבאָרען איז ער לוין־ארבייטער און לוין־ארבייטער וועט ער שטאַרבען. זיין שטרעבען קאן נישט געהן ווייַטער פון אַ לוין־העכערונג, דער פּראָלעטאַריער וויים נישט פון דיא נישט פאָראויסגעזעהענע גליקען, וועלכע האָבען געבראַכט דעם בורזשואַ צו זיינע מיסטישע אידעען.

בלתי ספק איז דער לוין־ארבייטער אויך אזוי וויא דער בורזשואַ און זיינע עקאָנאָמען נישט שטאַרק בעהאַפּט אין דעם גאַנג פון דיא ווירטהשאַפטליכע געשעהעניסען, און אויך ביי איהם אין קאָפּ איז נישט קלאָהר דיא מעשה, פאַר וואָס עס בייטען זיך דאָס מיט אַזאַ מערקווירדיגער רעגעלמעסיגקייט דיא יאָהרען פון פּראָספּעריטי, הצלחה, און דיא יאָהרען פון קריזיסען און ארבייטסלאָזיגקייט. דער חלוק איז נאָר, וואָס אויף איהם ווירקט דאָס אַנדערס. דער קאַפּיטאַליסט האָט איהם אַוועקגעשטעלט ביי דער מאַשין, וואָס פליהט וויא אַ טייוועל, און איהם אָבגעגעבען דעם בעפעהל צו ארבייטען, דער לוין־אַרבייטער גופא ווערט אויף אזא׳ן אופן אַ טהייל פון דער מאַשין. נאָר איין ציעל האָט ער — דעם לוין, און בעקומט ער דאָס, האָט ער שוין מעהר גאָר נישט וואָס צו פאַרדערן. אַ חוץ דעם לוין קאן ער קיין שום אנדער אינטערעס אין דער פּראָדוקציאָן נישט האָבען. זיין איינציגע דאגה מוז דארום זיין — האָבען ארבייט, כדי צו בעקומען דעם לוין. נאָך אַרבייט דאַרף ער אָנקומען צו דיא ארבייט־געבער, אויך אזוינע בשר ודם׳ס וויא ער איז, הייסט דאָס, זיין עקזיסטענץ הייגגט אָב פון לעבעדיגע מענשען, און נישט פון עפּעס ווירטשאַפטליכע ערשיינונגען, וואָס ער וויל דערפון אפשר גאָר נישט וויסען. רייסט מען ביי איהם ארונטער דעם לוין, מאַכט ער שולדיג זיינע ארבייט־געבער, און נישט אלגעמיינע שטערונגען אין דער פּראָדוקציאָן.

דיא ווירקונג פון דער נאַטור־וועלט, וואָס ביי דעם דאָרפישען תושב האַלט זיא נאָך אויף דעם גלויבען אין רוחות, מכשפות, און אַנדערע נאַרישקייטען, האָט קיין שום שליטה נישט איבער דעם גרויס־אינדוסטריעלען אַרבייטער. וואָס וויים ער איבערהויפּט פון דער שעהנער נאַטור, פול מיט כשוף, פול מיט סודות? דיא זונן קאן ער זעהן נאָר דורך דיא שויבען פון זיין פאַבריק. זעלטען ווען ער רייסט זיך ארויס אויף דער פרייער לופט, דאָס הייסט אין דיא סעדער, און גערטנער ארום דער שטאָדט, און אז אָך און אז וועה וויא פיעל „נאַטור“ עס איז דאָ פאַראן און ס׳ארא פּנים דאָס האָט. מיט דיא פּראָדוקטען פון דער מוטער ערד איז ער נאָר בעקאַנט אין יענער פאָרמע, אין וועלכער ער עסט זיי. וואָס וויים ער פון פעלד־ארבייט? און וואָס וויים ער פון דיא תנאים, וואָס ברייגגען אַ זול אָדער אַ נישט־גערעטענים? ווען עס ברעכט אויס אַ שטורם, אַ גוס־רעגען, אַ האָגעל, אָדער עס געהט אַ צייט גאָר קיין רעגען נישט, וואָס קען איהם קימערען? דאָס שטאָדטישע לעבען בעשיצט איהם פון דעם סאָרט דאגות, וואָס דעם דאָרפּישען תושב צונאַגען זיי דיא גאַנצע נשמה. אין

זיין פאַנטאַזיע שפּיעלט דיא נאַטור דורכאויס קיין שום ראָליע נישט.

דיא ארבייט ביי דער מאַשין ברייננגט דעם לוין־ארבייטער אין אַ נאָהענטע מחותנ'שאַפט מיט געוויסע נאַטור־קרעפטען, וואָס דער תושב פון דאָרף האָט אין זיי קיין שום ידיעה נישט. אָבער אנשטאַט צו זיין בעהערשט אָט פון דיא קרעפטען, קאָנטראָלירט ער זיי גאָר. דיא גיגאַנטישע בעשעפענים פון שטאָהל און אייזען, וואָס טוט אַ טרייב דיא פאַבריק וויא אן אויטאָמאַט און וואָס קאן איהם, דעם ארבייטער, צו יעדער מינוט צוברעקלען אויף פּיצ־פּיצלעך, רופט אין איהם פון דעסטוועגען נישט ארויס קיין שום אַבערגלויבערישען שרעק, וויא אַ שטייגער אַ דונער ביים תושב פון דאָרף; ווייל ער ווייס, אַז דיא אברים פון אָט דעם מעטאַלענעם ריעז זיינען איינציגוויים פאַבריצירט געוואָרען פון זיינע חברים, און אז ער אליין דאַרף נאָר אַ ציה טהון מיט אַ רימען, און דיא חיה נעהמט לויפען אָדער בלייבט שטעהען. דער ארבייטער אין אן עלעקטערישען קראַפט־הויז, וועלכער דאַרף נאָר אָנדרעהען אַ הענטעל, אַז אויף אַ שטח פון מיילען און מיילען זאָלען זיך שטעלען אין בעוועגונג דיא קאַרס אָדער אלע גאַסען זאָלען בעלויכטען ווערען, קאן זאָגען וויא גאָט אין דיא ששה ימי בראשית: יהי אור! ליכטיג זאָל ווערען! און עס ווערט ליכטיג. און וויא פערוואונדערט ער וואָלט דאָס געוואָרן, ווען מען זאָל איהם זאָגען אַ שטייגער, אַז איינעם אַ גאָט קען זיך אַ מאָל פערגלוסטען אָבצושטעלען דיא מאַשינען און פערלעשען אלע עלעקטערישע לאַמטערענס. ער וואָלט אייך געענטפערט, אַז אָט דער אַנאַרכיסטישער גאָט איז אַ צובראָכענער געפינט אָבער אַן איבערגעריסענער דראָהט, און אַז ס'איז גאָר נישט שווער דעם בחור אויפצוזוכען און איהם ווידער אריינצובריינגען אין דיא כלים צוריק.

בקיצור, דיא ערשיינונגען פון דער נאַטור־וועלט האָבען באין אופן נישט געקענט ארויסרופען מיסטישע פאָרשטעלונגען, נישט ביים בורזשואַ און נישט ביים פּראָלעטאַריער, ווייל ביידע זיינען שטאָדט־מענשען, שוין לאַנג הייסט דאָס אָבגעריסענע פון דער נאַטור. אָבער אַזוי וויא דער בורזשוא געהערט צו דער קלאַס פון דארמאַיעדניקעס, רופען ארויס אין איהם אַ רעליגיעזען מיסטיציזמוס דיא ערשיינונגען פון דער סאָציאַלער וועלט, בעת דער פּראָלעטאַריער, וועלכער געהערט צו דער פּראָדוקטיווער און עקספּלואַטירטער קלאַס, בלייבט אונבעריהרט פון אַ וועלכען ניט איז מיסטיציזמוס. און כל זמן דיא בורזשואַזיע וועט נישט אראָבגעזעצט ווערען פון איהר קלאַסען־הערשאַפט און נישט אָבגעבען צוריק דעם לוין־ארבייטער דיא פון איהם אַוועקגערויבטע עשירות, וועט זיא נישט בעפרייט ווערען פון איהר גלויבען אין גאָט.

דאָס פרייע לערנען און פאָרשען אָהן שום פּאָראורטהיילען האָט שוין לאַנג בעפעסטיגט די איבערצייגונג, אַז אַלע ערשיינונגען פון דער נאַטור ווערען בעהערשט דורך דעם געזעטץ פון נויטווענדיגקייט, און אַז דיא אורזאַכען פון דיא אַלע ערשיינונגען דאַרף מען זוכען אין דער נאַטור־וועלט גופא און נישט עפּיס אַנדערסוואו.

דיא אינדוסטריעלע אויסנוצונג פון דיא נאַטור־קרעפטען האָט פערוואַנדעלט דיא פּראָדוקציאָנסמיטלען אין אזעלכע גיגאַנטישע בעל־הבית'שקייטען, אַז דיא קאַפּיטאַליסטען, וואָס עס האָבען זיי מאָנאָפּאָליזירט, קאָנען זיי בשום אופן נישט קאָנטראָלירען, וויא עס בעווייזען גאַנץ דייטליך דיא קריזיסען אין האַנדעל און אינדוסטריע. און פּונקט אזוי בלינד וויא דיא צובושעוועטע פון דיא קייטען בעפרייטע נאַטור־קרעפטען, רייסען אויף דיא געזעלשאַפט, ווען עס ברעכט אויס אַ קריזיס, אָט דיא פּראָדוקציאָנס־קערפּער, כאָטש זיי זיינען טאַקי בעשאַפען געוואָרען פון א מענשענ'ס האַנד. דיא היינטיגע פּראָדוקציאָנס־מיטלען קאָנען נאָר בעהערשט ווערען פון דער געזעלשאַפט, און דאַרום מוזען זיי ווערען דאָס אייגענטהום פון דער געזעלשאַפט. ערשט דעמאָלט וועלען זיי אויפהערען צו געבען דעם פּאַראַזיט — עשירות אָהן אַ מאָס און אָהן אַ וואָג און דעם לוין־ארבייטער — גאָלע קדחת; מען וועט אויך מעהר נישט וויסען פון וועלט־קריזיסען, וואָס דער קאַפּיטאַליסט און זיינע עקאָנאָמען ערקלערען מיט אַ צופאַל אָדער מיט גאַנץ אונבעקאַנטע סבות. דאָס „נישט אויסגעפאָרשטע“ אין סאָציאַלען לעבען וועט פערליערען זיין יסוד, זיין ממשות, און דער גלויבען אין גאָט וועט אָהן אַ סליאַד פערשוואונדען ווערען פון'ם מענשענ'ס קאָפּ.

* * *

דיא גלייכגילטיגקייט פון היינטיגען ארבייטער אין אמונה־זאַכען איז אַ נייע ערשיינונג. ביז אַהער פלעגען דיא רעליגיעזע געדאַנקען תמיד ארויסשפּראָצען פון דיא פאָלקס־מאַסען. דיא פילאָסאָפען פלעגען מאַכען דיא דאָזיגע געדאַנקען דונקעלער און שפּיץ־דריידעלדיגער; און דאַן פלעגען קומען דיא גלחים מיט דיא הערשענדע קלאַסען, אנ'מלאכה'ן פון דיא רעליגיעזע פאָרשטעלונגען אן אָפיציעלע אמונה און דערנאָך זיך בענוצען מיט איהר אַלס ווערקצייג פון גייסטיגער אונטערדריקונג.

פריי איבערזעצט פון ח. א—ן.

די אייזענבאהנען און די פעראיינטע שטאאטען

פון נחום צדק.

פאר דיא לעזער פון דיעזען זשורנאל וועט קוים נעטהיג זיין צו בעשפרעכען דיא וויכטיגקייט פון דיא אייזענבאהנען אין דעם ווירטשאפטליכען און פאליטישען לעבען פון א מאדערנער נאציאן. פון דיא אלע זאכען וואס האבען בייגעשטייערט צו דער וואונדערבארער ענטוויקלונג און עקאנאמישע אויסברייטונג אין דעם ניינצעהנטען יאהרהונדערט, האט דיא אייזענבאהן וואהרשיינליך געשפיעלט דיא וויכטיגסטע ראלע. אהן דער אייזענבאהן וואלט דיא גרויסע געאגראפישע פערטהיילונג פון ארבייט — ניט בלויז אין איין לאנד, זאנדערן אויך אויף אן אינטערנאציאנאלען מאסשטאב, — געוועזען אונמעגליך. דאס, וואס מען קען דורך איהר פאר ביליג שיקען מיטטהיילונגען און פיהרען שווערע אזוי גוט וויא טהייערע סחורות, האט געבראכט דערצו, אז זיא האט אין דיא וויטסטע מקומות פערשאפט מארקעטס פאר דיא פראדוקטען פון יעדער געגענד, וואס קען דורך נאטירליכע אורזאכען פראדוצירען פאר א פערהעלטניסמעסיג ביליגען פרייז. וויא צום בייזשפיעל, ווען זיא האט פיעל ביליגע קוילען, נאהענטע קוועלען פון רויהען מאטעריאל אדער א פאסענדען קלימאט, אדער א מערקווירדיג פעהיגע ארבייטער בעפעלקערונג.

דורך דעם האבען דיא אייזענבאהנען געבראכט צו א גרויסער געאגראפישער טהיילונג פון ארבייט, וועלכע האט געפיהרט צו א קאנצענטראציאן פון אינדוסטריען אין בעשטימטע געגענדען פון יעדען לאנד, און צו אן עהנליך געאגראפישע קאנצענטראציאן אויף אן אינטערנאציאנאלען מאסשטאב, אויף אזוי וויט וויא דאס איז נאר ניט געשטערט דורך דיא טאריף־געזעטצע פון דיא פערשיעדענע לענדער.

אין קיין לאנד האט זיך דיעזע עקאנאמישע ווירקונג פון די אייזענבאהנען ניט געפיהלט אזוי שטארק וויא אין די פעראייניגטע שטאאטען. די פעראייניגטע שטאאטען זיינען אזוי גרויס וויא אייראפעאישע רוסלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך־אונגארן, פראנקרייך, גרויס־בריטאניען און אירלאנד, איטאליען און שווייצאריע צוזאמענגענומען. יעדער סטייט האט דיא גאנצע צייט גענאסען פאלקאמענעם פריי־האנדעל מיט דיא אנדערע סטייטס. דיעזער האנדעל איז יעצט אזוי גרויס, אז ער איבערשטייגט דעם גאנצען אויסלענדישען האנדעל פון אלע אייראפעאישע נאציאנען צוזאמען. די פראכט וואס די אמעריקאנער אייזענבאהנען פיהרען יעצט, איז גרעסער וויא דיא פראכט וואס ווערט געפיהרט פון די אייזענבאהנען אין דייטשלאנד, עסטרייך־אונגארן, פראנקרייך און ענגלאנד צוזאמענגענומען.

דיעזער אונגעשטערטער האנדעלס־פערקעהר אויף א גרויסען מאסשטאב איז געוועזען גינסטיג פאר דער מערקווירדיגער קאנצענטראציאן פון אינדוסטריען, וועמעס גרויסקייט האט ארויסגערופען בעוואונדערונג און קנאה אין דער גאנצער וועלט. דיעזער צושטאנד האט אבער אויך געמאכט שטארק אבהענגיג איין טהייל פון לאנד אן אלע איבריגע טהיילען, — אן אבהענגיגקייט, וועגען וועלכער דיא גרינדער פון דער רעפובליק האבען אפילו ניט גע'חלום'ט. ווען דיא פעראייניגטע שטאאטען זיינען געגרינדעט געווארען, איז יעדער פון דיא דרייצעהן אריגינעלע סטייטס פראקטיש געוועזען א זעלבסטשטענדיגע מדינה, וועלכע האט אליין געהאט כמעט אלעס וואס זיא האט בעדארפט. דער האנדעלס פערקעהר צווישען זיי איז געוועזען בעשרענקט בלויז אויף דיא פראדוקטען, וועלכע יעדען סטייט האבען אויסגעפעהלט צוליעב קלימאטישע און געאגראפישע אורזאכען. היינט זיינען דיא איינוואהנער פון קאליפארניא מעהר אבהענגיג אן דיא פראדוקטען פון פענסילווייניא, וואס איז 3000 מייל ווייט, וויא דער נאהענטער סטייט ניו יארק האט זיך אין זיי געניטהיגט מיט 125 יאהר צוריק.

מען קען זאגען אז פראקטיש היינגען כמעט דיא (8 מיליאן מענשען אב אן שיקאגא נאך פלייש, אן מאסאטשוסעטס נאך שיך, אן פענסילווייניא נאך אייזען און שטאהל, אן ניו־יארק נאך פארטיג געמאכטע מלבושים, אן ניו־ענגלאנד נאך געוועב און ז. וו. זאל איינע פון דיעזע אינדוסטריען געסטאפט ווערען, ווערט דורך דעם געטראפען דיא גאנצע לאנד. דער אייזענבאהן סטרייק אין יאהר 1894 האט פאר־

אורזאכט א פלייש־הונגער אין דיא איסט און כאוטה און א קוילען הונגער אין דיא וועסט. דורך דעם זיינען דיא פעקטארים געשלאסען געווארען און עס איז אויך געווארען א מאנגעל אין אנדערע פראדוקטען וואס זיינען נעטהיג פאר'ן לעבען פון פאלק. דיא אייזענבאהנען זיינען געווארען דיא פולס־אדערן פון דער נאציאן. אויב זיי ווערען וויא עס איז געשטערט צו געהן וויא געווענליך, ווערט דאס געפעהרליך פאר'ן פאלק פונקט וויא דיא שטערונג פון דיא פרייע צירקולאציאן פון בלוט איז געפעהרליך פאר דעם קערפער פון דעם איינצעלנעם מענשען.

דיזע וויכטיגע ראלע וואס דיא אייזענבאהנען שפיעלען אין דעם ווירטשאפטליכען לעבען פון דעם פאלק האט דאס געבראכט דערצו, אז אונזערע געזעץ־געבער זאלען זיך אין זיי מעהר פעראינטערעסירען. זיא פיהרט אויך דערצו, אז דיא רעגיערונג זאל זיך ארייננמישען אין דיא אנגעלעגענהייטען פון דיא אייזענבאהן קאמפאניעס, ניט קוקענדיג אויף דער „לאז געהן וויא עס געהט“ פאליטיק, וועלכע כאראקטעריזירט אזוי דיא אמעריקאנער שטאאטס־לייט.

אום אבער גענוי צו פערשטעהן דיא פראגען וואס זיינען פערוויקעלט אין דער יעצטיגען אייזענבאהן קאבעריי, וועט פריהער נעטהיג זיין צו געבען א קורצען איבערבליק איבער דיא הויפט פאסירונגען פון דער אייזענבאהן געשיכטע אין דיעזען לאנד.

אייזענבאהן קאמפאניעס.

דיא ערשטע אייזענבאהן געבויט אין דיא פעראייניגטע שטאאטען, דיא „באלטימאר ענד אהייא“, איז געעפענט געווארען פאר'ן פערקעהר אין יאהר 1830. דאמאלט איז דיא גאנצע לענג פון אייזענבאהן איז לאנד געוועזן ניט מעהר וויא 23 מייל. אין יאהר 1840 זיינען שוין געוועזן 2818, און אין יאהר 1850, א יאהר נאכדעם וויא עס איז ענטדעקט געווארען גאלד אין קאליפארניא, זיינען שוין געוועזן 9000 מייל.

דיא נעקסטע 10 יאהר האט זיך דאס לאנד אזוי גוט וויא דיא בעפעלקערונג, פיעל אויסגעברייטעט צו דיא וועסט. אין דערזעלבער צייט האבען זיך אויך דיא אייזענבאהנען אויסגעברייטעט וועסט פון דעם טייך מיסיסיפע. ארום דעם יאהר 1860 זיינען שוין אין דיא פעראייניגטע שטאאטען געוועזן 30,635 מייל אייזענבאהן. אבוואהל דער בירגער־קריעג, וועלכער האט גלייך נאכדעם אויסגעבראכען, האט אויף א ווייליע געשטערט דאס ווייטערע בויען פון אייזענבאהנען, האבען אבער דערנאך דיא רעגיערונג און דאס פאלק געגעבען דיא אייזענבאהן־קאמפאניעס אזעלכע בעלוינונגען און פריווילעגיעס זיי זאלען ווייטער בויען, אז דיא ארבייט איז אין גיכען אנגעיאגט געווארען, און אין יאהר 1869 איז פערטיג געווארען דיא סענטראל פאסיפיק רייל־ראוד, וועלכע האט דערגרייכט דעם פאסיפישען ברעג פון לאנד. א יאהר שפעטער זיינען שוין אין דיא פעראייניגטע שטאאטען געוועזן 53,000 מייל אייזענבאהן.

דיא 40 יאהר, אין וועלכע עס זיינען אויסגעבויט געווארען דיא הויפט אייזענבאהן־ליניעס אין לאנד, זיינען געוועזן דיא „גאלדענע צייט“ אין דער געשיכטע פון די אייזענבאהן קאמפאניעס. יעדענפאלס איז דאס געוועזן א גוטע צייט פאר דיא מעקלערס און פינאנציערען, וועלכע האבען דיא אייזענבאהנען געבויט. דורך דיזער צייט האבען אונזערע געזעץ־געבער טהאטזעכליך אפילו קיין פערזוך ניט געמאכט צו רעגולירען אדער קאנטראלירען דיא אייזענבאהנען. קיין אייזענבאהן האט ניט געקענט געבויט ווערן אהן א טשארטער פון א סטייט אדער פון דיא פעראייניגטע שטאאטען; דאך זיינען אזעלכע טשארטערס לייכט ארויסגעגעבען געווארען, אהנע דיא רעגיערונג זאל אויף דיא קאמפאניעס ארויפלעגען וועלכע עס איז פפליכטען.

דיא אייראפעאישע רעגיערונגען פלעגען אין זינען האבען און פערזיכערען דיא אינטערעסען פון פאלק, ווען זיי פלעגען ארויסגעבען טשארטערס צו בויען אייזענבאהנען. זיי האבען אויסגענומען וויא אפט טריינס דארפען געהן און אויך דעם פרייז פאר פאהרען און פיהרען סחורות. אויסער דעם האבען זיי געדארפט געבען א געוויסען פראצענט פון זייערע פראפיטען צו דער רעגיערונג. דיא רעגיערונג פון דיא פעראייניגטע שטאאטען אבער, אזוי גוט וויא יעדע סטייט־רעגיערונג האט אהן שאלות ארויסגעגעבען טשארטערס צו בויען אייזענבאהנען יעדען, ווער עס האט נור געוואלט. אנשטאט דערפאר צו נעהמען געלד פון דיא אייזענבאהן קאמפאניעס, האבען זיי נאך זיי צוגעצאהלט, מיט קעש געלד און אויך מיט גרויסע שטיקער לאנד.

סטייטס און שטעדט האבען קאנקורירט איינע מיט דיא צווייטע אום צו ווירקען אויף דיא קאמפאניעס, אז מען זאל ביי זיי בויען אייזענבאהנען. יעדע האט דיא קאמפאניעס אנגעבאטען אלץ אן אנציהענדערע בעלוינונג דערפאר. דיא אייזענבאהן מאכערס זיינען געוועזן כיטרע גענוג צו זעהן, אז איין סטייט זאל איבערשטייגען דעם צווייטען, אנבאטען א גרעסערע בעלוינונג וויא דער צווייטער. מאנופעקטשורערס, סוחרים, ריעל־עסטייט אייגענטהימער און אנדערע בירגער פון יעדען סטייט, וועמעס אינטערעס עס איז געוועזן צו האבען ביי זיך אן אייזענ־

באַהן, האָבען ביי דיא קאָמפּאַניעס פאַר קעש געקויפט זייערע באָנדס און סטאַקס, (אַקציעס) אַבי צו האָבען דיעזע ברכה פון ציוויליזאַציאָן ביי זיך.

גענויע סטאַטיסטיקס וויא גרויס עס זיינען דיא סומען וואָס זיינען אוועקגעגעבען געוואָרען דיא אייזענבאַהן קאָמפּאַניעס, זיינען ניטאָ, אָבער עס איז זיכער, אַז זיי בעטרעפען הונדערטע מיליאָנען דאָלאַרס. נאַטירליך, האָבען דיא לאָקאַלע פּאָליטישענס אַ גרויסע טהייל דערריין וואָס דיא אייזענבאַהן קאָמפּאַניעס זיינען אַזוי ליבעראַל בעהאַנדעלט געוואָרען. אָבער זיי האָבען דאָס ניט געטהון אומזיסט. עס איז אַ געשיכטליכער פאַקט, אַז דיא אייזענבאַהנען האָבען זיי דערפאַר גוט בעלוינט. קיין איינצעלנע אינדוסטרי און קיין פינאַנציעלע אינסטיטוציאָן אין לאַנד האָט ניט הינטער זיך אַזאַ שענדליכע פערגאַנגענהייט, וויא דיא אייזענבאַהנען, — אַ פערגאַנגענהייט וואָס איז פולל מיט פּאָליטישע קאָרופּציאָן און מיט אונטערקויפען שטאָדט, סטייט און נאַציאָנאַלע געזעצמאַכערס, און מיט גלאַט גנבות פון דעם פאָלק׳ס געלד.

קיינע פון דיא סטייטס, וועלכע האָבען געליהען דיא אייזענבאַהנען גרויסע סומען געלד, (מיזורי, צום ביישפּיעל, האָט געגעבען 32 מיליאָן דאָלאַר, טענעסי 29 מיליאָן), האָבען דאָס ווען עס איז אין גאַנצען צוריקבעקומען. אין דיא מעהרסטע פעלע האָבען דיא אייזענבאַהן מאַכערס, זייענדיג פריי צו פיהרען זייערע ביזנעס וויא עס זאָל זיך זיי לוינען, פערשווענדעט דיא געלד, וואָס זיי האָבען אַרויסגעקראָגען פון דיא לעדזשיסלייטשורס און פון פאָלק, אויף אַזאַ אופן אַז זיי אַליין זאָלען רייך ווערען און דערנאָך האָבען זיי דיא אייזענבאַהן געלאָזען ניט געענדיגט און באַנקראָטירט.

געוויינליך פלעגען זיי זיך אַליין אַרויסגעבען אַ געניגענדע צאָהל באָנדס אום זיי זאָלען פאַר אַ קלייניגקייט קענען פערקאַפען דיא אייזענבאַהן נאָכדעם ווען זיא איז געבראַכט געוואָרען צו באַנקראָט. נאָכדעם וויא זיי האָבען אַזוי בערויבט דאָס פאָלק פון זיין געלד און פון זיינע שערס האָבען דיא מאַכערס ווירקליך פערקאַפט דיא אייזענבאַהן און ווידער געמאַכט דיזעלבע קונצען וואָס פריהער, דאָס הייסט ווידער אויסגענאַרט געלד. מיט דיא אויסנאַהמע פיעלייכט פון די ניט לאַנג אויפגעדעקטע אינשורענס און טראַסט סקאַנדאַלען, זיינען דיא שווינדלען פון דיא אייזענבאַהן קאָמפּאַניעס דער קלאַסישער ביישפּיעל פון עפענטליכע רויבעריי אויף אַ ריעזען מאַסשטאַב לויט דיא נייעסטע בערזען מעטהאָדען.

אָבער די גרויסע סומען געלד זיינען ניט די איינציגע שטיצע וואָס דיא אייזענבאַהנען האָבען בעקומען פון פאָלק. פיעל טהייערער און ווערטהפאָלער זיינען דיא גרויסע שטיקער לאַנד וואָס מען האָט זיי געשענקט אלס מתנה. אין יאָהר 1850 האָבען אילינאָיס סענטראַל און דיא מאָביל און אָהייאָ ריילראָודס בעקומען אומזיסט פיער מיליאָן אַקער לאַנד כדי זיי צו העלפען בויען אַן אייזענבאַהן צווישען שיקאַגאָ און ניו אָרליענס. אין דיא נעקסטע 20 יאָהר זיינען אַכציג אַזעלכע „מתנות" אוועקגעגעבען געוואָרען צו פערשיעדענע אייזענבאַהן קאָמפּאַניעס.

אַ בעגריף וועגען דיא גרויסקייט פון דיזע מתנות וואָס זיינען פערטהיילט געוואָרען מיט אַזאַ פרייע האַנד קען מען זיך מאַכען ווען מען איז בעקאַנט מיט דיא פּונקטען פון דער ערשטער מתנה, וועלכע איז אַ גוטער ביישפּיעל פאַר דיא איבעריגע. לויט דעם טשאַרטער פון דיא אילינאָיס סענטראַל האָט דיעזע קאָמפּאַני בעקומען דאָס רעכט צו געברויכען אויסשליעסליך פאַר זיך אַליין 200 פוס לאַנד אין דיא ברייט אויף דיא גאַנצע לענג פון דיא אייזענבאַהן, אויססער אָבוועקסלענדע שטיקער לאַנד 6 מיילען דיא ברייט פון יעדע זייט פון דיא באַהן. דיזער פּונקט הייסט פשוט אַז **פאַר יעדע מייל אייזענבאַהן וואָס דיא קאָמפּאַני האָט געבויט, האָט זיא בעקומען אומזיסט זעקס סקווער (קוואַדראַטנע) מיילען לאַנד.**

די לאַנד מתנות וואָס עס האָבען בעקומען די אייזענבאַהנען אין דיא וועסט — דיא וועלכע האָבען געגרייכט דעם פּאַסיפישען ברעג, זיינען געוועזען נאָך מעהר ליבעראַל. לויט בעשליעסע פון קאָנגרעס אין יאָהר 1862 און אין יאָהר 1864 האָבען די אייזענבאַהן קאָמפּאַניעס וועלכע האָבען בעדאַרפט פערבינדען דעם טייך מיסורי מיט דעם פּאַסיפישען ברעג, בעקומען אומזיסט 10 קוואַדראַטנע מיילען לאַנד פאַר יעדע מייל אייזענבאַהן וואָס זיי האָבען געבויט. דיא לאַנד וואָס דיעזע קאָמפּאַניעס האָבען דאַן בעקומען, האָט פערנומען 33 מיליאָן אַקער, — אַ שטח וואָס איז גרעסער וויא דער גאַנצער סטייט פּענסילוועניא. דיא לאַנד מתנות וואָס דער קאָנגרעס האָט געשענקט דיא אייזענבאַהן קאָמפּאַניעס אין דיא צוואַנציג יאָהר נאָך 1850 האָט פערנומען 155 מיליאָן אַקער, — אַ שטח וואָס איז פינף מאָל אַזוי גרויס וויא דער סטייט פּענסילוועניא און פיעל גרעסער וויא דיא גאַנצע דייטשע רייך.

אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען אַלעס. דער קאָנגרעס האָט וואַהרשיינליך מורא געהאַט, אַז

דיזע צעהנדליגע מיליאָנען אוועקגעשענקטע אַקער לאַנד, וועלכע דיא רויבערישע קאָמפּאַניעס האָבען שפּעטער פערקויפט צום פאָלק פאַר באַארעם געלד, איז נאָך ניט גענוג און ער האָט גענומען רעגענען אויף זיי מיט געלד זיי זאָלען האָבען מיט וואָס די אייזענבאַהנען צו בויען. 65 מיליאָן דאָלאַר האָט דער קאָנגרעס זיי אַזוי אוועקגעגעבען, איידער דיא אייזענבאַהנען זיינען פערטיג געוואָרען. אַ בעשרייבונג פון דיא רויבערייען און פון דיא געוויסענלאָזע שווינדלען וואָס זיינען געווען פערבונדען מיט דעם בויען פון דיזע אייזענבאַהנען וואָלט אָנגעפילט אַ גרויסען בוך.

ניט קוקענדיג אויף דיא גרויסע שטיצע וואָס דאַס פאָלק האָט געגעבען רייך צו מאַכען דיא אייזענבאַהן קאָמפּאַניעס, האָבען דיא מאַכערס פון זיי אַזוי פערשווענדעריש געפיהרט זייערע ביזנעס אַז דיא קאָמפּאַניעס זיינען רואינירט געוואָרען און זייערע אַקציעס זיינען געוואָרען ווערטהלאָז. געוועהנליך פלעגען דיא באַנקיערען, וועלכע האָבען אוועקגעליהען די ערשטע סומען געלד אויף צו גרינדען אַן אייזענבאַהן־קאָמפּאַני, דערפאַר בעקומען באָנדס וואָס האָבען בעטראָפען פיעל מעהר וויא די הלואה. אויסער דעם האָט מען זיי אויך געגעבען אַ גרויסע צאָהל אַקציעס, גלאַט אַלס מתנה. די גרינדערס פלעגען צו זיך אַליין ארויס געבען גרויסע צאָהלען אַקציעס, וועלכע זיי האָבען דערנאָך פערקויפט צו גלויבענדע מענשען, דורך וועמענס שטעדט דיא אייזענבאַהן האָט, בעדאַרפט דורכפאָהרען. דאַן האָבען זיי פון זיך אַליין געגרינדעט בעזונדערע בוי־קאָמפּאַניעס, צו בויען דיא אייזענבאַהן. זייענדיג דיא בעאַמטע פון דיא אייזענבאַהן, האָבען זיי בעשטעלט בויען דיא באַהן ביי דיא בוי־קאָמפּאַניעס (דאָס הייסט, ביי זיך אַליין) פאַר אַ זעהר הויכען פּרייז. געוועהנליך פלעגט מען דיא בוי־קאָמפּאַניעס דעפּאַר בעצאָהלען טהיילווייז מיט באַארעם געלד, טהיילווייז מיט באָנדס און אַלס צוגאָב אַ גרויסע צאָהל אַקציעס.

נאָכדעם וויא דיא געלד אין דער טרעזשורי פון דער אייזענבאַהן קאָמפּאַני איז אַזוי אויסגעשעפּט געוואָרען, פלעגען דיא מאַכערס לאָזען דיא ארבייט אין מיטען און זיך ערקלערען באַנקראָט. ווייל זיי האָבען ניט געקענט נאָכקומען זייערע געלד־שולדען. נאָכדעם האָבען די מאַכערס און דיא באַנקיערען, זייענדיג דיא הויפּט קרעדיטאָרען און באָנד האָלדערס פון דער קאָמפּאַני. פערכאַפּט דיא אייזענבאַהן און געלאָזען דעם עולם אין דרויסען, — דעם עולם וואָס האָט געקויפט דיא אַקציעס.

דורך אַזעלכע מיטלען זיינען דאָס געמאַכט געוואָרען דיא גרויסע פערמעגענס אין די ערשטע צייטען פון דער אייזענבאַהן געשיכטע אין דיא פעראייניגטע שטאַאַטען. אַלס איללוסטראַציאָן פון דיזע בעהויפּטונג, וועט כדאי זיין צו דערמאָהנען דיא פינאַנציעלע געשיכטע פון דיא סאָוטהערען פּאַסיפיק קאָמפּאַני. בויען דיזע אייזענבאַהן האָט געקאָסט ניט מעהר וויא זעקס און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר, אָבער דער בוי־קאָמפּאַני האָט מען דערפאַר בעצאַהלט ניט ווייניגער ווי 15 מיליאָן. אויסער דעם האָט מען געגעבען דיא באַנקיער־סינדיקאַטען פאַר 40 מיליאָן דאָלאַר ווערטה פּאַפּיערען דערפאַר וואָס זיי האָבען ענטליהען די געלד דערויף. מען מוז דערביי בעמערקען, אַז דיזע מעטהאָדען האָבען זיך אין דיא שפּעטערע יאהרען ניט געענדערט. ארויסלאָזען „געוואַסר׳טען סטאַק“, דאָס הייסט, אַקציעס אויף פיעל מעהר וויא די אייזענבאַהן איז ווערטה לויט דעם קאַפּיטאַל וואָס אין איהר איז אריינגעלעגט געוואָרען, איז אַ גאַנץ געוועהנליכע פּאַסירונג אין דיא יעצטיגע אייזענבאַהן פעראייניגונג, פּונקט וויא עס געהט צו אין דיא צוזאַמענשמעלצונג פון פיעלע פּעקטאָריעס פון אַן אינדוסטריע אין אַ טראָסט.

דאָס ארויסגעבען פון „געוואַסר׳טען סטאַק“, און באָנדס איבער דער מאָס, איז געטהון געוואָרען מיט אַ צווייפאַכען צוועק:

ערשטענס, צו־צו־ציהען דאָס פּובליקום, דאָס הייסט, די מענשען, וועלכע האָבען אַ קליינעם קאַפּיטאַל און ווילען מיט איהם מאַכען גרויסע פּראָפיטען, און דיא בערזע־ספּעקולאַנטען, וועלכע ווערען געכאַפּט אין נעץ ווי פיש דורך צו־ציהונגס־שפּייז, דורך די גרויסע גליקען וואָס דיא בערזען שווינדלערס שטעלען זיי פאָר, פאַרקויפענדיג זיי קוימערשט 100 דאָללאַר׳דיגע אַקציעס פאַר אַ קלענערע סומע געלד און פערשפּרעכענדיג זיי, אַז שפּעטער וועלען דיזע אַקציעס פיעל שטייגען אין פּרייז. דאָס געלד וואָס מען קריגט אויף אַזאַ אופן ארויס פון פאָלק געהט אויף אָנצופילען דיא קעשענעס פון דיא מעקלערס און באַנקיער־סינדיקאַטען. דיא באַנקיער־סינדיקאַטען אָבער מאַכען אימער אַזוי, אַז זיי זאָלען שטענדיג האָבען אַ גענוגענדע צאָהל אַקציעס, צו קענען קאָנטראָלירען דיא קאָמפּאַני.

צווייטענס, טהוען דאָס די חברה כדי אָפּצונאַרען דיא געזעצגעבענדע בעאַמטע וועגען דיא פּראָפיטען וואָס זיי מאַכען. אויב, צום ביישפּיעל, דער קאַפּיטאַל וואָס איז אריינגעלעגט אין אַן אייזענבאַהן, איז 10 מיליאָן דאָלאַר און דיא פּראָפיטען בעטרעפען אַ מיליאָן דאָללאַר

יעהרליך, וואלט דאס הייסען 10 פראצענט פערדיענסט. ווען אבער דיא אייזענבאהן מאכערס „וואסערען דעם סטאק“ און אויף דיא 10 מיליאן וואס זיי האבען אריינגעלעגט, גיבען זיי ארויס פאר 10 מיליאן דאלאר באנדס, וואס זאלען טראגען 5 פראצענט, און פאר 20 מיליאן דאלאר אקציעס, וועט פון דעם מיליאן פראפיט האלב געהן אויף צו דעקען דעם פראצענט אויף דיא באנדס און דיא איבריגע 500 טויזענד דאלאר וועלען זיין פראצענט אויף די אקציעס פיר דיא 20 מיליאן דאלאר; דאס הייסט, עס וועט אויף זיי אויסקומען בלויז 2 פראצענט. ווען אלזא דאס פאלק מאכט א געוואלד אז דיא אייזענבאהנען נעהמען צו הויכע פרייזען פאר פיהרען פאסאזשירען און סחורה, ווייזט מען זיי אז מען פערדיענט אזוי אויך ווענינ, א סימן, עס קומט דאך ניט אויס אויף דיא אקציעס מעהר וויא צוויי פראצענט.

ציאניזמוס, טעריטאריאליזמוס און סאציאליזמוס.

זייער שיכות איינע צו דיא אנדערע.

1.

דער נייער איינוואנדערונגס שטראם, געשטופט פון דיא כוואליעס פון דער רוסישער רעוואלוציאן און איהר בעגלייטער — דיא בארבארישע פאגראמען אויף אידען, האט מיטגעשלעפט אן אונטערשטראם פון נייע געדאנקען און בעוועגונגען ביי דיא אידען.

דיעזע נייע בעוועגונגען אפעלירען צו אונזער סימפאטהיע, צו אונזער פינאנציעלע און מאראלע שטיצע, מיט דעם רעזולטאט, דאס אין אונזער וועלטעל האט זיך אנגעהויבען א נייעס לעבען מיט נייע געדאנקען, נייע געפיהלען, נייע שטרעבונגען, נייע אויפגאבען און נייע ציעלען.

צו דערזעלבער צייט, האט אבער דיזער שטראם מיטגעבראכט נייע סכסוכים און נייע אונפערשטענדנים; נייע פארטייען און נייע פארטייעלעך; נייע צאנקערייען און נייע רייסערייען, נייע צייטונגען און נייע זשורנאלען.

מיר האבען דא גלאט ציוניסטען, און מיר האבען גלאט טעריטאריאליסטען; מיר האבען פועלי ציון, ציוניסטען־סאציאליסטען; סאציאליסטען־טעריטאריאליסטען; סאציאליסטען רעוואלוציאנערען טעריטאריאליסטען און זאגאר אנארכיסטען נאציאנאליסטען - טעריטאריאליסטען.

וואס ווילען דיזע אלע „איסטען“? מיט וואס אונטערשיידען זיי זיך איינע פון דיא אנדערע? אויף וואס שטיצען זיך דיזע בעוועגונגען? אויף וויפיעל זיינען זיי אויסגעהאלטען? וואסער שייכות האבען זיי צום סאציאליזמוס? אויף דיעזע פראגען וויל דער פאלגענדער ארטיקעל ענטפערן, נאטירליך, אויף וויפיעל עס איז מעגליך אין דעם בעשרענקטען פלאץ.

* * *

ווען מען קוקט זיך גוט צו צו דיעזע אלע בעוועגונגען, זעהט מען, דאס זיי זיינען ניט קורקענדיג אויף אלע דריי־גארענדיגע נעמען, אין תוך ענג פערבונדען מיט דעם אורשפרינגליכען ציוניזמוס, ניט מעהר וויא א ווייטערע ענטוויקלונג פון דעם ציוניזמוס, און זיי שטעהן אדער פאלען צוזאמען מיט דעם ציוניזמוס.

עס איז דאדורך נויטהווענדיג צו בערעכנען דעם סך הכל פון ציוניזמוס.

און דער ציוניזמוס איז שוין אזוי אלט, וויא דער אידישער גלות.

פון דעם טאג וואס אידען זיינען פערטריבען געווארען אין גלות, האבען זיי ניט אויפגעהערט צו האפען צוריקצוקומען אין זייער לאנד.

פערשיעדענע מיטעל האבען זיי אנגעווענדעט אין פערשיעדענע צייטען: זיי האבען זיך אויסגענוצט מיט דיא פאליטישע לאגע פון זייערע שכנים אין צייט פון אשור און בבל; זיי האבען זיך בענוצט מיט „דיפלאמאטיע“ אין צייט פון כרש מלך פרס, און נאכהער אין צייט פון דאריוס (דריוש) אונטער דיא פיהרונג פון עזרא און נחמיה; זיי האבען פרובירט מיט'ן שווערד אין האנד אונטער בר כוכבא, ביז זיי האבען ענדליך דיא גאנצע ארבייט איבערגעלאזען דעם טאטען אין הימעל, ער זאל זיי צושיקען „אן אריימאן רייטענדיג אויף אן אייזעל“, (עני ורוכב על החמור) און האבען זיך דערווייל וויא עס איז איינגעמאשצעט אין גלות, צייטענווייז זאגאר גאנץ בעקוועם.

דיא האפנונג און דעם געדאנק, ווידער צו קומען קיין ציון, האט דער איד אבער קיין מאל

אין גאַנצען ניט אויפגעגעבען; די שבועה וואָס ער האָט געגעבען, זיצענדיג ביי די ברעגעס פון בבל'ס טייכען: „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני", (מיין רעכטע האנד זאָל איך פערגעסען, אויב איך וועל דיך ווען פערגעסען, ירושלים), דיעזע שבועה האָט דער איד קיין מאָהל ניט פערגעסען, ניט מעהר, ער האָט געוואָרט, גאָט זאָל איהם אהין פיהרען „ברנה". יעדען טאָג האָט ער זיך געבעטען „והביאנו לציון עירך ברנה!" (און דו זאָלסט מיך בריינגען אין דיין שטאָדט ציון מיט געזאנג) אָבער טהאָן א האנד אין קאַל־טען וואסער, פאַר דעם האָט ער, וויא עס שיינט, קיין חשק ניט געהאט.

די אַכציגער יאָהרען פון דעם פאָריגען יאהרהונדערט, האָבען אריינגעבראכט א נייעם לעבען אין דעם ציון געדאנק.

אונטער דעם שווערען דרוק פון די דאַ־מאלסדיגע פּאָגראָמען, און פון די ספּעציעלע געזעצע אונטער וועלכע די אידען זיינען גע־שטעלט געוואָרען אין רוסלאנד, (אגב אורחא, יענע געזעצע זיינען געווען אַ פאָלגע פון גאַנץ אנדערע אומשטענדען וויא ספּעציעלער אידען־האָס), האָט די „יודען־פראַגע" אָנגענומען א נייע געשטאַלט. דער איד האָט אָנגעהויבען פרע־גען: „וואָרום פערפאָלגט מען מיך?" און ער איז געקומען צום שלוס, אז ער ליידעט און ווערט פערפאָלגט, ניט ווייל ער איז אַ איד, נור ווייל ער איז א פרעמדער; ווייל ער איז אַ פרעמדער וואָס האָט אין ערגעץ ניט קיין היימאטה. און אז זיינע ליידען און פערפאָלגונגען וועלען אויפהע־רען נור דאַן, ווען ער וועט האָבען אַן אייגענע היים, „רעכטליך געזעצליך געזיכערטע היי־מאטה" און ניט פריהער.

דיזער געדאנק דריקט זיך אויס ביי דר. פינסקער און ביי משה לייב לילענבלום. דיזען געדאנק דריקט אויך אויס היינט דער היגער אָרגאַן פון די סאָציאַליסטען, רעוואָלוציאָנערען, טעריטאָריאַליסטען, „דאָס פּאָלק".

די אידען מוזען האָבען אַן אייגענע היים! דאָס איז פאר זיי זיכער.

די פראגע איז נור געווען און איז נאָך ביז יעצט, און, וויא איך גלויב, וועט אימער זיין: וואו און וויא אזוי קען מען בעקומען דיעזע היימאטה?

דאָס ערשטע וואָס די ציוניסטען האָבען געטהאָן איז געווען, זיך אָבצו־וואַרפען פון דעם „אָרימאַן רייטענדיג אויף אַן אייזעל".

הונדערטע און טויזענדע יאָהרען האָבען די אידען געהאָפט און געוואַרט אויף איהם אומ־זיסט! דער שלעפער איז ניט געקומען.

די ציוניסטען האָבען זיך דערפאר פון איהם אין גאַנצען אָבגעזאָגט און האָבען זיך גע־וואָרפען צו דעם „מיליאָנער רייטענדיג אויפ'ן אייזעל". די ראָטשילדס און די באַראָן הירש'ס האָבען געזאָלט געבען דאָס קאַפּיטאַל, און דער אָרימער איד האָט געזאָלט זיין דער חמור למשא. דאָס איז געווען דער קאָלאָניזאציאָנס־פּלאַן. וואָס פון דעם איז ארויסגעקומען איז בעוואוסט: דער „מיליאָנער ורוכב על החמור" האָט ניט מעהר געהאָלפען וויא דער „עני ורוכב על החומר".

דערווייל זיינען אידען געפאָהרען; וויא איי־נער האָט געקענט, האָט ער זיך געראַטעוועט; מען איז געלאָפען וויא פון א שרפה. הונדערט־טויזענדע זיינען געפאָהרען, אָבער זעהר ווייניגע זיינען געפאָהרען קיין ציון, די גרויסע אונגע־היירע מאַסע איז געלאָפען אין ענגלאנד און אין אַמעריקא.

דאַן איז מיט אַמאָהל וויא פון הימעל אראָב־געפאַלען דר. הערצעל מיט זיין „דיפּלאָמאטיע". ער איז פון אַלע אידען בעגריסט געוואָרען אלס דער אמת'ער משיח. ער, דער גרויסער מאַן; ער, וואָס איז אזוי גוט בעקאנט אין דער דיפּלאָמאַ־טישער וועלט; ער, וואָס האָט אזא הדרת פנים; וואָס קען זיך שטעלען פאר מלכים און קיסרים; ער, וואָס איז זיין גאַנצען לעבען געווען אזוי פרעמד פון אידען און אידישקייט און האָט זיך מיט אַמאָהל ענטזאגט פון זיין גאַנצע גדולה נור צו העלפען זיינע אונטערדריקטע ברידער. —זעהט מען דען ניט אין דעם גאָטעס ווילען? וועט ער ניט בריינגען די גאולה פאר אידען? און זיין פּלאַן איז געווען אזוי איינפאך, אזוי פּראָסט, אז אַ קינד האָט עס געקענט פערשטעהן: אידען ווערן פערפאָלגט, ווייל זיי זיינען אין דער פרעמד, זיי מוזען אלזאָ האָבען אַן אייגען לאנד. אזאַ לאנד איז דאָ אויף דער וועלט. עס איז טאַקי אַמאָהל געווען זייער אייגען, עס ליגט אָבער יעצט ביי דעם טערק אין די הענד. מיט געוואלד קענען אידען דאָס לאנד ניט צוריקנעהמען, אויף דעם האָבען זיי קיין כוח ניט. געלד האָבען אידען אָבער, טאָ לאָזען זיי דאָס גאַנצע לאנד אָבקוי־פען. פאר געלד קען מען היינטיגע צייטען אלץ קריגען.

וויא גרויסאַרטיג און וויא איינפאך!

וואָרום האָבען דאָס מענשען פריהער אליין ניט פערשטאַנען? וואו איז געווען זייער שכל?

אמת, קויפען דאָס לאנד איז ניט אזוי לייכט, דאָס איז ניט גלאַט אַ מסחור מיט אַ פּראָסטען בשר ודם. דאָ מוז מען אָנקומען צו אַ מלך און דערפאר וועט מען טאַקע מוזען אנווענדען „דיפּ־לאָמאַטיע" און אויף „דיפּלאָמאַטיע" איז דר. הערצעל געווען וויא געבאָרען.

און מיט דיא גאַנצע ענערגיע, און מיט דעם גאַנצען פייער פון אַ גרויסען בעל חלום, האָט דר. הערצעל זיך געוואָרפען אויף דער אַרבייט. זיין גאַנצע קראַפט, זיין פעהיגקייט און זאָגאַר זיין אייגען פערמעגען, האָט ער אָבגעגעבען אויף דיזע גרויסע זאַך, אויף דיזען גרויסען חלום.

ער איז געלאָפען און געפּאַדערט און געכלאַפּאָטשעט: ער איז געפאָהרען פון איין לאַנד אין אַנדערן, געגאַנגען פון איין מיניסטער צום אַנדערן; אָבגעהאַקט דיא טהירען פון דיא גרויסע און מעכטיגע; ער האָט געקראָגען רעקאָמענדאַציעס, פערשפּרעכונגען, אוידיענצען; ער האָט געהאַט אונטערהאַנדלונגען מיט גרויסע דיפּלאָמאַטען, מיט אַלע דיפּלאָמאַטישע סודות; ער איז אָנגעקומען צום סולטאַן אַליין. און דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, האָט מיט איין איינגעהאַלטענעם אַטהעם און אַן אָפען מויל, בעאָבאַכטעט יעדע בעוועגונג פון איהר נייעם העלד, פון איהר נייעם משיח, אין דעם גלויבען און מיט דיא האָפנונג, אַז אָט, אָט און עס וועט נעהמען אַן עק צו דיא אידישע רדיפות און צרות. אָט, אָט און דער אייביגער וואַנדערער וועט געפינען זיין מקום מנוחה, וואו ער וועט קענען אויסרוהען זיינע אויסגעמוטשעטע און אויסגעטרוקענטע ביינער.

און דער סוף?

וואָס דער סוף איז געווען ווייס דיא גאַנצע וועלט. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דיא גאַנצע בעוועגונג איז געווען געגרינדעט אויף דעם געדאַנק, אַז דער טערק איז אַ חמור. דער טערק האָט אָבער ניט געוואָלט שפּיעלען דיא ראָלע פון דעם חמור. ער האָט הערצלען גאַנץ פיין צוגענומען, ער האָט איהם געמאַכט פערשפּרעכונגען, האָט צו איהם גערעדט עטליכע גאַנץ ציוויליזירטע, ד. ה. חניפה'דיגע, ווערטער, אָבער ווייטער איז ער ניט געגאַנגען.

דר. הערצעל האָט דאָס אַלעס געוואוסט פריהער און בעסער פון אַלע אַנדערע. אָבער צוריק געהן האָט ער ניט מעהר געקענט. ער איז געקומען צו אַ פּונקט פון וועלכען ער האָט זיך ניט געקענט ריהרען, ניט פאָרווערטס און ניט ריקווערטס. און ער האָט געמוזט דורכלעבען דיא טראַגעדיע פון פיעלע אַנדערע גרויסע טרוימער. און, וויא בעוואוסט, ער האָט דיא טראַגעדיע דורכגעלעבט, אָבער ניט איבערגעלעבט.

דיא אייגענטהימליכקייט פון דיא גרויסע אוטאָפּיסטען בעשטעהט אין דעם וואָס זיי זיינען זעהר „פּראַקטישע“ מענשען, זיי מאַכען אימער אַזעלכע פּלענער וואָס ליעגען דאַכט זיך אויף דער האַנד, וואָס איז זעהר לייכט אויסצופיהרען, ווען — ווען מען זאָל נור וועלען. זיי פעהלט דערפאַר קיין מאָל ניט קיין נייע פּלענער: אַזוי שנעל וויא איין פּלאַן פאַלט דורך, האָבען זיי באַלד אָנגעגרייט אַן אַנדערן, אַ בעסערן, אַ לייכטערן פּלאַן.

דר. הערצעל איז געווען אַזאַ בעל-חלום. ער האָט דערפאַר זיין קאַמפּף ניט אויפגעגעבען. אַזוי שנעל וויא ער האָט זיך איבערצייגט אין דיא אויסזיכטסלאָזיגקייט פון צו קריגען פּאַלעסטינאַ, האָט ער באַלד אויפן שטעל געהאַט אַן אַנדערן, נאָך „פּראַקטישערען“ פּלאַן, אַ פּלאַן צו וועלכען מען וועט דאַרפען נאָך ווייניגער געלד.

אַלץ וואָס אידען דאַרפען, האָט ער געחלום'ט איז דאָך נור אַן אייגען לאַנד, היינט וואָס מאַכט עס אויס וואו דאָס לאַנד וועט זיין? אודאי וואָלט געווען גלייך מען זאָל קענען קריגען פּאַלעסטינאַ, אַזוי וויא מען קען עס אָבער ניט בעקומען, איז רעכט אַן אַנדער לאַנד, און אויף דעם זעקסטען ציוניסטישען קאָנגרעס איז אַרויס געשפּרונגען דער אוגאַנדאַ פּלאַן.

וואָס עס איז געוואָרען פון אוגאַנדאַ, איז אויך בעוואוסט. דערווייל איז דר. הערצעל געשטאָרבען. דיא אידעע איז אָבער געבליבען און איז געוואַקסען.

פון אוגאַנדאַ צו אַן אַנדער טעריטאָריע איז שוין ניט מעהר ווי איין שפּרונג, און דער שפּרונג איז פאָרמעל געמאַכט געוואָרען אויף דעם זיעבענטען ציוניסטען-קאָנגרעס. עס איז אויפגעקומען דיא אידעע פון טעריטאָריאַליזמוס. נאַטירליך, זיינען ניט אַלע ציוניסטען מיטגעשפּרונגען, אָבער דאָס בעלאַנגט צו אַ ווייטערן קאַפּיטעל. דערווייל איז דאָס גענוג צו זעהן, אַז דער טעריטאָריאַליזמוס אין אַלגעמיינעם האָט ביז צו דיזען מאָמענט קיין נייעס ניט אויפגעטהאָן, אַז ער איז נור אַ ווייטערע ענטוויקלונג פון דיא ציוניסטישע בעוועגונג. ער ליידעט דערפאַר בירושה אויף אַלע קראַנקהייטען, וואָס זיין פאָטער, דער ציוניזמוס, ליידעט.

.2

עס איז ניט מיין אויפגאַבע אויף דיזער שטעלע, צו בעווייזען דיא שוואַכקייט פון דעם ציוניזמוס. וועגען דעם איז איבערהויפּט שוין פיעל גערעדט געוואָרען, און עס לאָזט זיך שווערליך זאָגען עפּעס נייעס. איך מוז אָבער אייניגע איינווענדונגען ווידערהאָלען, צוליעב דעם וואָס איך וויל ווייטער זאָגען.

עס זיינען אייגענטליך פאַראַן צווייערליי ציוניזמוס'ן, אָדער ריכטיגער, צווייערליי ציוניסטען — מאַטעריעלע ציוניסטען און גייסטיגע ציוניסטען. דער מאַטעריעלער ציוניזמוס קימערט זיך הויפּטזעכליך וועגען דיא עקאָנאָמישע לאַגע

און דיא אלגעמיינע פערפאלגונג פון דיא אידען, ווערענד דער גייסטיגער ציוניזמוס אינטערע־סירט זיך מעהר מיט דיא גייסטיגע זייטע, מיט דעם יהדות, מיט דעם יודענטהום'ס גייסט, פון דעם אידישען פאלק.

דאס איז דער ציוניזמוס פון אחד העם.

מיר ווילען שפעטער זעהן, אז דער טערי־טאריאליזמוס איז אויך א צווייענדיגער.

דיא מאטעריעלע, וויא די גייסטיגע ציוניס־טען, וויא אויך דיא טעריטאריאליסטען פון ביידע לאגערן, געהן ארויס פון דעם שטאנדפונקט, אז אידען זיינען אן איינהייטליך פאלק, אז זיי ליי־דען פון דעם וואס זיי זיינען אין דער פרעמד, און אז זיי קענען נור געהאלפען ווערען, ווען זיי ווילען קומען צוריק אין זייער אלטע היימאטה.

דער מאטעריעלער ציוניזמוס, האט אייגענט־ליך שוין געקריגען זיין אנטווארט פון דעם לע־בען אליין. ער האט ארויסגעפונען פון איין זייט, אז ער קען פאלעסטינא ניט בעקומען, און פון דער צווייטער זייט, אז דיא אידען ווילען אהין ניט געהן. אין דיא 25 יאהר זייט דיא ציון פּראָ־פּאגאנדא האט זיך אנגעהויבען זיינען ביז א מיליאן און א האלב אידען אויסגעוואנדערט פון זייערע מקומות, אבער זעהר וועניגע זיינען גע־פאהרען אין דעם „אידישען" לאנד. דאס איז אבער נאך ניט אלעס.

דיזע אונגעהייער מאסען־אויסוואנדערונג, האט ניט פערקלענערט דיא צאהל אידען אין רוסלאנד. דיזער פאקט אליין זאל דאך דיא ציוניסטען בעווייזען, אז א פאלק קען איבער־הויפּט ניט אזוי לייכט אויסוואנדערן, אז אויף יעדען אויסוואנדערער ווערט געבוירען א נייער מענש, און אפשר צוויי מענשען וואס בלייבען אין דער היים. אז א גרויסע מאסע וואנדערט ניט אויס, געטריעבען פון וועלכע עס איז אידעאלען, נור פון עקאנאמישע אומשטענדען, און ממילא פאהרט זיא שוין ניט אהין וויא איהרע אידעא־לען טרייבען איהר, נור דארט וואו זיא האט אויסזיכט צו פערבעסערן איהר עקאנאמישע לאגע.

ציוניסטען רעכענען זיך אבער ניט מיט פאקטען, אזעלכע קליינינגקייטען קומען ניט אין זייער חשבון. זיי וויסען: עס וואלט געווען זעהר גוט, אידען זאלען האבען א „רעכטליך געזעצליך געזיכערטע היימאטה."

ווען דיא פאקטען ווערען אבער אזוי בולט, אז זיי שטעכען אויס דיא אויגען, ענטפערן זיי אייך בזה הלשון:

מיר וויסען אליין, אז דאס גאנצע פאלק קען ניט אויסוואנדערן, און מיר פערלאנגען עס אויך גאר ניט; מיר פערלאנגען ניט, למשל, אז דיא אידען פון ענגלאנד, פראנקרייך אדער אמע־ריקא זאלען אויסוואנדערן, מיר מיינען נור דיא אידען פון דיא לענדער, וואו זיי ווערען ספּעציעל אונטערדריקט, וויא רוסלאנד און רומעניען, און פון דיזע ערטער מיינען מיר אויך ניט אלע אי־דען. וואס מיר ווילען, זאגען זיי, איז, דיא אידען זאלען האבען א צענטער, א היים ערגעץ־וואו. ווען א דייטש, למשל, קומט אין רוסלאנד, ווערט ער גאר ניט פערפאלגט. ווארום? ווייל ער האט ערגעץ־וואו א היימאטה, מיט א רעגיערונג, אזוי וואלטען דיא אידען ניט פערפאלגט געווארען אין רוסלאנד, ווען זיי וואלטען געהאט ערגעץ־וואו א לאנד.

אויף דיזע טענה האט „בן אהוד" געגעבען א ריכטיגע אנטווארט אין אן ארטיקעל „ציוניז־מוס אדער סאציאליזמוס", אין דעם „אידישען ארבייטער" נומער 6.

„בן אהוד" בעהויפּטעט, אז דיא ציוניסטען טהאן א גרויסען שאדען דעם אידישען פאלק, „מיט דעם וואס זיי מאכען איהם אבהענגיג (דארף אודאי שטעהן „אבהענדיג") צו שטרייטען פיר א בעסערע לאגע אין גלות". ער בעווייזט, אז דער גאנצער ציוניזמוס איז א חלום, אז דאס לאנד איז איבערהויפּט ניט גרויס גענוג און ניט פרוכטבאר גענוג צו האלטען און צו שפּייזען צעהן מיליאן מענשען; ער בעווייזט, אז דיא אידען ווילען ניט קענען אבהאלטען, אז אנדערע אויסער אידען זאלען קומען צו פאהרען, אויב דאס לאנד וועט זיך ווירקליך ענטוויקלען אינדוסטריעל, „ווארום דיא אייראפּעאישע קאנסולען ווילען שוין גע־בען צו פערשטעהען דער אידישער רעגיערונג, אז זיי ווילען ניט דערלאזען אידען זאלען געוועל־טיגען איבער בירגער פון אייראפּאישע לענדער, און אויב דיא הרצלשע רעגיערונג וועט דאס ניט ווילען פערשטעהען, וועט מען שיקען א פּאר פּאנצער שיפלעך ארומשפּאצירען ארום יפו... און וואס פּאנצער שיפלעך מיינען, דאס פערשטעהט יעדער זעהר גוט"; ער בעווייזט, אז דיא עמיגראציע קיין פּאלעסטינא דארף דויערן אודאי 50 יאהר, און אז אין דיזע 50 יאהר, וועט דער שאדען נחמלא ווערען, און נאך דעם וויא ער בעווייזט דאס אלעס, שרייבט „בן אהוד":

„אמת, א טהייל ציוניסטען מיינען, אז אויב מיר ווילען האבען אונזער אייגענע מלוכה, אפילו אקליינינקע, ווילען דיא פרעמדע פעלקער האבען אבשיי אויך פאר דיא אידען, וואס ווילען בלייבען אין גלות, ווארום אלע ווילען וויסען, אז עס איז דא א אידישע מלוכה, וואס קען בעשירמען איהרע קינדער, אז עס איז דא א פאלק, וואס קען זיך איינשטעלען פאר זיינע ברידער . . . . אבער פון אזא האפנונג איז טאקע ניט מעהר וויא חוזק צו מאכען. דאס רוב פון דעם אידישען פאלק, ד. ה., אלע אידען וואס ווילען בלייבען אין גלות, ווילען בלייבען ביי אזעלכע ים־לייבען, וויא רוסלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך, פראנקרייך, אמעריקא, ענג־

לאנד און אויף זיי וועט דאָס קליינינקע מיזעלע „אידענלאנדיע" ארויף ווארפען אן אימה! א טויט־שרעקעניש וועט אויף זיי אנפאלען בעת זיי וועלען לייענען אין דיא צייטונגען, אז אין „אידענלאנדיא" האָט מען געהאלטען אסיפית, אין וועלכע דאָס אידישע פאָלק האָט פייערדיג פּראָטעסטירט ענטגעגען דעם וואָס מען טרייבט אידען פון מאָסקווא, וואָס מען שלאָגט אידען אין גאליציען, וואָס מען לאָזט ניט צו קיין אידישע לעהרערינס אין פּרייסען, וואָס מען קוילעט אויס אידישע משפּחות אין אלזשיר!.... איז דען רוסלאנד בשעת זיא האָט דערוואָרגען איהרע דייטשע אונטערטאנער אין דיא באלטישע פּראָווינצען, א סך מתפּעל געוואָרען פאר דייטשלאנד, פאר דעם גרויסען דייטשלאנד, מיט זייז בעריהמטע חיל און זיין גרויסער ראָלע, וואָס עס שפּיעלט אין דער איראָפּעאישער דיפּלאָמאטיע? וועט רוסלאנד צערעמאָניען זיך מיט זיינע אידען בלויז דערפאר, וואָס ערגעצוואו אין אזיען איז פאראנען א קליינינטשקע אידישע מדינה׳לע, וואָס שטעהט אונטער דער אויבערהערשאפט פון דעם טערקישען סולטאן! . . ."

„איהר זעהט, אפילו אז מען זאָל שוין נאָכגעבען, אז הערצעל׳ס פּלאנען זאָלען מקוים ווערען, איז דערפון דעם אידישען פאָלק ניט קאלט און ניט ווארם. א גרויסער טהייל פון דער אידישער בורזשואזיע וועט דערביי מאכען ניט שלעכטע געשעפטען, א קליינער טהייל פון דיא אידישע ארבייטער וועט דערביי געפונען דיא געלעגענהייט צו פערקויפען זיינע הענד, וויא ער פערקויפט זיי אומעדום. — און דאָס איז דער גאנצער סך הכל פון דעם ציוניזמוס!...... און צוליעב אזא נישטווירדיגען וויסטען חלום זאָל מען אָבווענדען דיא געדאנקען פון דעם אידישען פאָלק פון זיינע נייטיגע ציעלען אין דער היום!" *)

ניט בעסער האלט עס מיט דעם גייסטיגען ציוניזמוס, מיט דעם ציוניזמוס וואָס קימערט זיך מיט דעם יודענטהום׳ס גייסט.

דיעזער צווילינגס ברודער פון דעם מאַטעריעלען ציוניזמוס, בעגעהט דעם זעלבען פעהלער, נור אויף אַן אַנדער אופן. דער מאַטעריעלער ציוניזמוס, לאָזט אויס דיא גאַנצע עקאָנאָמישע לאַגע פון דעם אידען, דיא אונמעגליכקייט אויסצווואַנדערן א. ז. וו., א. ז. וו. דער גייסטיגער ציוניזמוס לאָזט ווידער אויס דעם „אידישען" גייסט. ער רעדט נור פון דיא גייסטיגע זייט פון דעם יודענטהום, פון ענטוויקלען דיזען גייסט. ער פערגעסט אָבער אז וויא באַלד דיא גייסטיגע זייטע פון אַ פאָלק, קען זיך ענטוויקלען אונטער געוויסע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אומגעבונג — און אין דעם קען מען ניט צווייפלען — דאַן האָט דאָס אידישע פאָלק אַ צוויי טויזענד יעהריגע ענטוויקלונג אונטער ספּעציעלע אומשטענדען, און דיזע גייסטיגע ענטוויקלונג לאָזט זיך ניט אַוועקמאַכען, מיר ניט, דיר ניט, מיט דעם וואָס אַ מיליאָן אָדער זאָגאר צוויי מיליאָן אידען וועלען איבערוואַנדערן אין אַ האַלב באַרבאַרישעס לאַנד, וועלכעס איז מיט 2 טויזענד יאָהר צוריק געוועזן זייער.

דיזען פּונקט פערגעסען אויך אונזערע נייע נאַציאָנאַליסטען וואָס האָבען זיך געשטעלט אונטער דיא פאָהן פון דיא ס. ר. ט.

דער אמת איז, אַז אויב מען קען ריידען פון אַ אידיש פאָלק, קען מען נור ריידען אין אַ גייסטיגען און קולטורעלען זינן, ווייל אלס פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע איינהייט זיינען אידען געווין ניט קיין פאָלק. דיזער גייסט, דיזע קולטור, און זאָ פערן, וויא זיא דריקט זיך אויס אין אַ ספּעציעלע פאָרמע ביי דעם אידען (אויב עס איז איבערהויפּט דאָ אַזאַ זאַך) איז אָבער אַ פּראָדוקט פון דעם אידישען גלות, ניין, עס איז צו פערדאַנקען דעם גלות. וויא אַזוי דאָס אידישע פאָלק וואָלט זיך ענטוויקעלט ווען עס וואָלט דיא גאַנצע צייט געלעבט אויף זיין אייגען לאַנד, וויא אזוי עס וועט זיך ענטוויקלען ווען עס זאָל זיך ידער בעזעצען זעלבסטשטענדיג אין זיין לאַנד, אָדער אויף אַן אַנדער טעריטאָריע, איז אַ זאַך וואָס קיין מענש קען ניט פאָראויסזעהן אָדער פאָראויסזאָגען. דער היינטיגער איד, דער איד, וואָס ער איז — אין גלות. דער „גייסט" און דיא „קולטור" איז אַלזאָ אַ גלות „קולטור". און עס איז נאָך אַ גרויסע פראַגע צו דאָס אידישע פאָלק וואָלט בעהאַלטען זיין רעליגיאָן, און זיין ראַסען ריינהייט, ווען עס וואָלט ניט געוועזן אין גלות. עס איז אַ סברא, אַז פון דעם אורשפּרינגליכען אידישען פאָלק, וואָלט גאָר ניט געבליבען ווען עס וואָלט געוועזן געלעבט אויף זיין אייגען לאַנד. קיין הערשענדעס פאָלק האָט זיך ניט דערהאַלטען אַזוי ריין וויא דאָס אידשע, ווייל דיא הערשענדע פעלקער נעהמען געוויינליך אין זיך אריין אַנדערע פעלקער, דורך ערָאבערונג אָדער אימיגראַציע, מיט וועלכע זיי אַסימילירען זיך, וויא מען קען עס זעהן ביי דעם ענגלישען פאָלק, אָדער ביי דעם פראַנצויזישען, אָדער ביי אַלע אנדערע הערשענד׳ע פעלקער. די אידען, ווען זיי זיינען געזעסען אין זייער אייגען לאַנד, זיינען אויך ניט געווען קיין צדיקים. זייער שפּראַך האָבען זיי פערלאָרען פיעל פריהער איידער זיי האָבען פערלאָרען זייער לאַנד. זיי האָבען זיך פיעל מתחתן געווען מיט זייערע שכנים. דיא תורה אליין איז מתיר צו נעהמען פאר אַ ווייב אַ קריעגס־געפאַנגענע. אויך דיא רעליגיאָן איז ניט אַזוי שטאַרק אָבגעהיט געוואָרען.

דער גלות האָט ערשט דיא אידען פעראייניגט. דער גלות האָט ביי זיי אויסגעארבייט דיא

*) איך ווייס ניט צו עס פּאַסט אויסצוזאָגען, אָבער דעם אמת דארף מען ניט בעהאלטען. דיעזע לאַנגע ציטאַטע האָב איך אויסגעשריעבען, 1) צוליעב איהר ריכטיגקייט; 2) ווייל זיא קען מיט דיזעלבע קראַפט און לאָגיק אנגעווענדעט ווערען אויף דיא טעריטאָריאַליסטישע בעוועגונג און 3) ווייל דער פערפאַסער פון דיזען, אונזער פריינד „בן אהוד" שטעהט אויף דער סאַמער שפּיצע פון דיא ניויאָרקער סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען טעריטאָריאַליסטען.

פאָרמע פון דיא רעליגיאָן. דער גלות האָט זיי אָבגעהאַלטען פון מתחתן צו זיין מיט אַנדערע פעלקער. אין גלות האָבען זיי אַלזאָ ענטוויקעלט זייערע אייגענטהימליכקייט אַלס אידען. ווען מען רעדט אַלזאָ פון אַ אידישען פאָלק, אַלס אַ גייסטיגען איינהייט, קען מען דאָס ניט אָבטהיילען פון דעם גלות גייסט. *)

וויא אַזוי מען קען דיזע צוויי טויזענד יעהריגע ענטוויקלונג אַוועק מאַכען מיט'ן האַנד אַזוי מיר ניט, דיר ניט, איז אַ זאַך וואָס עס לאָזט זיך ניט בעגרייפען.

ווען מען דערמאָנט זיך נאָך דערצו אַז דיא ציוניסטען און טעריטאָריאַליסטען געבען אייגענטליך אַליין צו, אַז דיא גרעסטע צאָהל אידען וועט אונטער אַלע אומשטענדען בלייבען אין דיא לענדער וואו זיי לעבען היינט, ווערט דיא זאַך איינפאַך קינדיש לעכערליך. אַ מיליאָן, אין בעסטען פאַל, 2 מיליאָן אידען וועלען אויסוואַנדערן ערגעץ אין אַ האַלב באַרבאַרישעם לאַנד, אָדער גאָר אין אַ וויסטענים. פאָהרען וועלען נאַטירליך דיא אָרימסטע. עס וועט זיי אַלזאָ נעהמען צעהנדליגע, און אפשר הונדערטע יאָהרען, ביז זיי וועלען, דורך שווערע און גראָבע ארבייט, זיין אימשטאַנדע צו מאַכען אַ לעבען מיט לייטען גלייך. און דיזע ביסעל אידען, ערגעץ־וואו אין אַ ווינקעל פון אַזיען, אָדער אפריקא, וועלען דאָס זיין אימשטאַנדע צו בעאיינפלוסען גייסטיג דיא זיעבען אָדער אכט מיליאָן אידען וואָס וועלען בלייבען לעבען אונטער דעם גייסטיגען איינפלוס פון דיא אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע ציוויליזאַציאָן, מיט זייער בעריהמטע אוניווערזיטעטען און ביבליאָטהעקען, מיט זייערע מוזעאומס און לאַבאָראַטאָריעס, מיט זייער ליטעראטור און טהעאַטערע, מיט זייער קונסט און טעכניק, מיט זייערע צייטונגען און אַלערלייקינסטלער? איז ניט פון דעם חוזק צו מאַכען ? ירושלים אין גייסטיגע קאָנקורענץ מיט פּאַריז, אָדער לאָנדאָן, אָדער נויאָרק, אָדער זאַגאר וואַרשוי! אוגאַנדא אָדער אַן אַנדער וויסטעניש אין אַפריקאַ זאָל קאָנקורירען אַלס גייסטיגער ענטוויקלער מיט היידעלבערג, מיט אָקספאָרד, מיט יעיל אָדער מיט קאָלומביא! יפו אין קאָנקורענץ מיט'ן בריטישען מוזעאום, מיט דיא פּאַריזער אָדער זאַגאר נויאָרקער ביבליאָטהעק !

איז דאס ניט לעכערליך ?

וויא מען זאָל אַלזאָ ניט דרעהען דעם ציוניזמוס אָדער דעם טעריטאָריאַליזמוס, קומט ער אויס איינפאַך קינדיש.

דאָס איז אָבער נאָך ניט דאָס ערגסטע.

נאָך איידער דער ציוניזמוס האָט געהאַט די מעגליכקייט זיך צו שטעלען אויף די פיס, צו מאַכען דעם ערשטען שריט, האָט זיך אַרויסגעצייגט דאָס אַ חוץ זיינע אויסערליכע קראַנקהייטען, ליידעט ער נאָך פון אַן אונהיילבאַרע אינערליכע חלאת.

אין דער צייט וואָס דער ציוניזמוס האָט געמאַכט זיינע גוואַלדיגע אנשטרענגונגען, איז דאָס סאָציאַלע לעבען דערווייל געגאַנגען איהר וועג. דער קאַפּיטאַליזמוס אין רוסלאַנד האָט זיך דערווייל שטאַרק ענטוויקעלט, און מיט איהם זיינע בעשטענדיגע בעגלייטער: דאס פּראָלעטאַריאַט און דאס בעוואוסטזיין פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

דיא רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג האָט געמאַכט גרויסע פאָרטשריטע, און דער איד איז פון דיזע בעוועגונג ניט נור ניט אָבגעשטאַנען, ער האָט זיך גראַדע געפונען אין דיא פאָדערשטע רייהען, און דיזער אומשטאַנד האָט געמאַכט אַ שטאַרקען ריס אין דיא ציוניסטישע בעוועגונג. ביי דעם פּראָלעטאַרישען ציוניסט איז אַראָבגעפאַלען דער שלייער פון דיא אויגען; דער ארבייטער און זיין עקספּלואַטאָר האָבען זיך בעגעגענט אויף איין פּלאַטפאָרמע און פון דער גאַנצען זיסען חלום האָט זיך אויסגעלאָזען אַ גאָרניט. דאָס „איינהייטליכע“ פאָלק האָט זיך צוטהיילט אין צוויי פיינדליכע לאַגערן.

דיא פּלאָטעראַריער ציוניסטען זיינען אָבער פון זייער שלאָף ניט אויפגעשטאַנען, זיי האָבען זיך נור אויפגעכאַפּט אויף אַ מינוט, איבערגעדרעהט אויף דיא אַנדערע זייט און ווייטער געגומען חלום'ן.

וואָלט זייער חלום געוון אַ שטילער, וואָלט ניט אויסגעמאַכט. זיי ריידען אָבער פון שלאָף און מאַכען אָן אַ גרויסען טומעל.

זייער זיסען חלום מוז מען דערפאַר איבערשלאָגען.

(פאָרטזעצונג פאָלגט.)

יעקב מילך.

*) זעה וועגען דיעזען ענין מיין ארטיקעל, „א ביסעל אידישע געשיכטע“ אין „צוקונפט“ פון 1905 ; אויך דר. יודט'ס ווערק איז פּאָלנישער שפּראַך : „דיא אידען אלס פהיזישע ראססע“.

דר. יודט האָט געמאַכט א ספּעציעלע אונטערזוכונג וועגען דיא אידישע ראססע, און קומט צום שלוס, אז דיא פערשיעדענע ראססען־אייגענטהימליכקייט ביי אידען, קומט פון דעם, וואָס אידען האָבען זיך אויסגעמישט מיט אנדערע ראססען לאנג, לאנג פאר דעם גלות, וועהרענד אין דער גלות, האָבען זיי געהאַלטען דיא ראססע ריין.

הענרי וואדסווארטה לאנגפעלאוו.

I

הענרי וואדסווארטה לאנגפעלאָוו, איז איינער פון דיא בעריהמטעסטע, פּאָפּולערסטע און בעליעבטעסטע פּאָעטען פון אַמעריקאַ. עס גיעבט אין דערוועלט קיין געבילדעטער מענש, וועלכער האָט אַם וויינינגסטענס ניט געהערט דעם נאָמען פון דיעזען פּאָעט. זיינע בעסטע פּאָעמען זיינען איבערזעצט אויף אַלע שפּראַכען דער וועלט. אין דער דייטשער און אין דער רוסישער שפּראַכע זיינען זיינע פּאָעזיען איבערגעטראָגען געוואָרען דורך דיא גרעסטע פּאָעטען פון דיזע לענדער. אין אַמעריקאַ איז ער פערגעטערט. ער איז דער מוסטער פון פּאָעזיע אין די אַמעריקאַנישע שולען און איז אַנערקענט אלס דער איינציגער „אַקאַדעמישער" דיכטער אין אַלע ליטעראַרישע קרייזען פון אַמעריקאַ.

מיר וועלען שפּעטער ערקלעהרען וואָס האָט איהם געמאכט צום בעליעבטעסטען אַמעריקאַנישען פּאָעט. דאָ ווילען מיר נאָר בעמערקען, אַז לאָנגפעלאָוו קען אין קיין פאַל ניט בעטראַכט ווערען אַלס דער גרעסטער אַמעריקאַנישער פּאָעט. אין אָריגינאַליטעט און אין קראַפט האָבען איהם פיעלע אַמעריקאַנער פּאָעטען איבערטראָפען. אין דער צייט, ווען די סאָציאַלע וועלט אַנשויאונג פון לאָנגפעלאָוו איז באַדעקט מיט אַ „ראָמאַנטישען נעבעל פון אַ לירישען מיסטיציזם", זיינען דאָ אין אַמעריקאַ פּאָעטען, וועלכע האָבען געהאט אַ בעשטימטע און פריי אויסגעשפּראָכענע שטעלונג צו דער געזעלשאַפט און צו דעם „איינציגען"... אין דעם פּרט שטעלען מיר זאָגאר העם וויינינג בעקאַנטען קעין אָ'דאָננעל (Kane O'Donnel) 'פיעל העכער פון לאָנגפעלאָ... און, אויב אונזער ראטה האָט אַ בעדייטונג, וואָלטען מיר אונזערע טאַלענטפאָלע אידישע פּאָעטען בעסער געראַטהען איבערצוזעצען פיר דיא לעזער פון דער „צוקונפט" אָ'דאָנעל'ס פּאָעמען: „דעם געזאַנג פון אייזען" און „דעם געזאַנג פון שקלאַפען".

(The Song of Iron, The Song of Slaves)..

אַן אמת'ער גרויסער און אין דער זעלבער צייט אָריגינעלער און עכט אַמעריקאַנישער פּאָעט איז געווען עדגאר פּאָ דיזער אונגליקליכער פערקריפּעלטער דיכטער מעג גערעכענט ווערען אַלס דער פּראָמעטעאוס פון דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע. אַ געשמידעטער צו דער בארג פון פּאָרטהיילע, מיט אַ איננערע וועלט, צופּיקעט פון שוואַרצע ראָבען, האָט ער דאָך ביז דער לעצטער מינוט ניט געשיידעט זיך פון דעם געטליכען פייער, וואָס ער האָט גערויבט פון דיא הימלען... ער איז געווען אַ פּאָעט מיט אַ שאַפענדען גייסט, מיט אַ ליידענשאַפטליכען פייער און מיט אַ אָריגינאַלע קראַפט! ער איז געווען אַ שרעקליכער געגנער און אַ פיינד פון לאָנגפעלאָ. ער האָט לאָנגפעלאָ'ן בעשולדיגט אין פּלאַגיאַט, האָט בעוויזען, אַז ער גנב'עט ביי די אַלטע פּאָעטען... זיין האס צו לאָנגפעלאָ'ן איז ניט געווען נאָר אַ קרענקליכעס געפיהל, וואָס אַן אונגליקליכער האָט געגען דעם, וואָס האָט גליק און ערפאָלג, (ניט פיעלע פּאָעטען האָבען געהאט אַזאַ גליקליכען, רוהיגען ערפאָלג, רייכען לעבען, וויא לאָנגפעלאָ), — ניין! דיזער ווירקליך גרויסער פּאָעט האָט ניט געקענט ניט פערשטעהן, אַז דער אונגעוועהנליכער ערפאָלג פון לאָנגפעלאָ ליגט ניט אין זיין גרויסקייט, נאָר אין זיין זיסקייט . . .

אַ גרויסער, מעכטיגער און אין דערזעלבער צייט אָריגינעלער אַמעריקאַנישער פּאָעט איז געווען וואָלטער וועהיטמאַן. אין זיינע פּאָעזיען זעהט איהר דיא בלויע הימלען, וואָס ליגען איבער אַמעריקאַ. איהר הערט דאָס רוישען פון דעם אַטלאַנטישען און דעם שטילען אָקעאַן... איהר הערט דאס ברויזען פון דעם ניאַגראָ פאָלל, איהר זעהט דיא סטעפּען און דיא פּרעריא פון דעם וויטען וועסט, איהר הערט דאָס ליעד פון מיסיסיפּי... און איבער אַלעס, איהר הערט דיא מעכטיגע שטימע פון אַ מענשען, אַ דיכטער מיט אַ בעשטימטע אינדיווידואַליטעט... לאָנגפעלאָ איז ניט אָריגינעל, ווען ער בעלייכטעט און אילוסטרירט ערשיינונגען... ער האָט ניט קיין איינציגען אייגענעם געדאנק, קיין זעלבסטשטענדיגע מיינונג, קיין אונאַבהייגיגע וועלטאַנשויאונג. ער חזר'ט איבער וואָס איירָאָפּאַ זאָגט, אימיטירט אַנדערע דיכטער און זינגט זייסע ליעדער אויף אַלטע מאָטיווען. דאָס וואָס ער שילדערט און מאָהלט האָט אין זיך וויינינג פון דער אַמעריקאַנישער נאַטור און פון דעם אַמעריקאַנעם לעבען... אויב איהר זעהט ביי איהם אַמאָהל יאַ אַ שטיקעלע אַמעריקאַנער הימעל, איז דאָס געוויס פון צווישען דיא אָבגעשניטענע



הענרי וואדסוואָרטה לאָנגפעלאָוו.

און סימעטריש געפּלאַנצטע בוימער פון אַ גוט קולטיווירטען פּאַרק... לעבען פּאַרק איז געווים דאָ אַ קאַפּעדראַלע קירכע מיט דונקעלע מיסטישע פענסטער, דורך וועלכע איהר קענט אַריינקוקען און גאָר נישט ניט זעהען... פון דער קירכע גיסען זיך טרויעריגע זיסע טענער פון דעם אָרגעל... ווייט הערט זיך אַ שפּאַנישע סערענאַדע מיט די בעגלייטונג פון אַ מאַנדאָלינע און נאָך ווייטער שפּיעלט אַן איטאַליענער אויף אַ שאַרמאַנקע אַ זיסע אַריע פון אַן אַלטע "פּערפּאָהרענע" איטאַליענישע אָפּערע... און לאָנגפעלאָ אַליין זיצט אין אַ דייטשען מאַנטעל, אין אַ פראַנצויזישע העט מיט פּאַריזער האַנדשוהען, אין הויזען פון אַ „שפּאַנישען סטודענט" און לעזט דעם איטאַליענישען טעקסט פון דאַנטע'ס „געטליכע קאָמעדיע". . .

II

העגרי וואדסווארטה לאָנגפעללאָ איז געבאָרען געוואָרען אין 1807טען יאהר אין דער שטאָדט פּאָרטלאַנד, שטאַאט מעין. זיין פאַטער איז געווען אַ פערמעגליכער מענש, אַ לאָיער און אַ קאָנגרעסמען און ער האָט געוואָלט פון זיין זוהן אויך מאַכען אַ לאָיער און אַ פּאָליטישען. דער יונגער לאָנגפעלאָוו האָט אָבער געהאַט אַנדערע נייגונגען... עס איז קיין צווייפעל, אַז דיא רייכע נאַטור וועלכע האָט אומגעבען דעם צוקונפטיגען פּאָעט האָט געמאכט אַ גרויסען איינדרוק אויף זיין עמפּפינדליכע זעעלע... דיא שטאָדט פּאָרטלאַנד, וואו לאָנגפעלאָוו האָט פערבראַכט זיין יוגענד, ליגט אויף אַ הויכען האַלב־אינזעל... דיא וואַסערן, וועלכע רינגלען אַרום דיא שטאָדט, דיא אַלטע וועלדער, וועלכע ליעגען ניט ווייט, — דיא שטילע פערדרעמעלטע גאַסען פון שטאָדט, וועלכע זיינען בעשאַטענט מיט אַלטע בוימער און וועלכע געבען פּאָרטלאַנד דעם נאַמען „וואלד־שטאדט", — דאָס אַלעס האָט געווים גערעדט צו דער פאַנטאַזיע פון דעם יונגען לאָנגפעלאָוו און האָט ענטוויקעלט זיינע לירישע געפיהלע.

ער האָט געהאַט גוטע פעהיגקייטען צום לערנען און אַ גרויסע נייגונג צו ליטעראַטור און פרעמדע שפּראַכען. פון זיינע בריעף צו זיין פאַטער, ווען ער איז נאָך געווען אַ גאַנץ יונגער קאַלעדזש באָי, זעהט מען, אַז ליטעראַטור און פּאָעזיע אינטערעסירען איהם מעהר ווי דיא פּראַקטיקע פון אַן אַדוואָקאַט. ער בעט דעם פאַטער צו לאָזען איהם שטודירען שפּראַכען... ער האָט געענדיגט קאַלעדזש ווען ער איז געווען קוים 18 יאָהר אַלט... אַ יונגער מאַן פון 21 יאָהר איז ער שוין געווען אַ דאָקטאָר פון לאָאָ... שפּעטער איז ער געקרוינט געוואָרען מיט דאָקטאָרישע דיפּלאָמען פון פיעלע אייראָפּעאישע אוניווערזיטעטען און ערוועהלט אַלס עהרען־מיטגליעד פון פיעלע אַקאַדעמיען... אין 1873טען יאָהר איז ער זאָגאר ערוועהלט געוואָרען אַלס אַ מיטגליעד פון דער רוסישער אַקאַדעמיע דער וויסענשאפט.

וויא ער האָט נאָר געענדיגט באודאָין קאַלעדזש, ניט אַכטענדיג דערויף וואָס ער איז נאָך געווען אַזוי יונג, האָבען איהם דיא טראָסטיס פון קאַלעדזש פּאָרגעלעגט צו בלייבען אלס פּראָפעסאָר פון שפּראַכען. ער איז אָבער פריהער געפאָהרען קיין אייראָפּא ענדיגען זיין בילדונג. פיער מאָהל האָט ער געררייזט אין אייראָפּא, האָט בעזוכט אַלע גרויסע צענטרען פון אינטעליגענץ און האָט געשטודירט דיא שעהנע שריפטען פון אַלע ציוויליזירטע לענדער און איז ווירקליך געוואָרען אַ גרויסער קענער פון דער וועלט ליטעראַטור. אַ בעזונדערן איינפלוס האָבען אויף איהם געהאַט דיא אַלטע דייטשע און שפּאַנישע באַלאַדען און לעגענדען פון דיא לאַנג פערגאַנגענע מיטעל־עלטערע צייטען. אין 1834טען יאָהר איז ער אויסערוועהלט געוואָרען אַלס פּראָפעסאָר פון מאָדערנע שפּראַכען אין האַרוואַרד קאָלעדזש, וואו ער איז פערבליבען ביז 1854טען יאָהר. פון דער צייט ביז זיין טויט האָט ער געלעבט רוהיג אין זיין שטילען רייך אויסגעשטאַטעטען היים. ער איז געווען צוויי מאָהל פערהייראַטעט. זיין ערשטע פרוי איז געשטאָרבען ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער מאַן. זיין צווייטע פרוי איז געשטאָרבען מיט אַ שרעקליכען טויט — זיא איז פערברענט געוואָרען... דאָס האָט געווים נאָך טיעפער געמאַכט זיינע לירישע געפיהלע. קיין שטורמס אָבער האָט ער אין זיין לעבען ניט איבערגעלעבט, אַלעס איז געגאַנגען רעגעלמעסיג און שטיל וויא אין אַ שעהנעם אָקטאָבער טאָג... דיא זונן פון ליידענשאַפט האָט איהם ניט געברענט, דיא וואַללען פון רעבעליאָן האָבען זיין לעבענס־שיפעל ניט אומגעוואָרפען, קיין דראַמאַטישע צוזאַמענשטויסונגען האָט ער אין זיין פערזענליכען לעבען ניט בייגעוואָהנט. ער האָט געלעבט וויא אַ גוטער טוגענדהאַפטער פיליסטער דאַרף לעבען. מיט גאָטט האָט ער זיך ניט געקריגט און מיט דיא מעכטיגע ניט געהאַט קיין מחלקות. ער האָט פאַר קיינע פּרינציפּען ניט געקעמפּפט, און האָט, נאַטירליך, קיינע פּרינציפּיעלע געגנער און פיינדע ניט געהאַט. ער איז געווען אַ בילד־שעהנער מענש מיט אַ וואונדערבאַרען קאָפּ, מיט זעהר אַ גוטען שטילען כאַראַקטער און איז געווען פון אַלעמען בעליעבט און געאַכטעט און ווען ער איז אין 1882טען יאָהר גע־

שטאַרבען, אַ זקן פון 75 יאָהר, האָט ניט נאָר אַמעריקאַ, גאַנץ אייראָפּאַ האָט איהם בעגלייטעט צו זיין עוויגע רוה מיט אויפריכטיגע געפיהלע פון סימפּאַטהיע און אַכטונג . . .

III

לאָנגפעלאָוו איז געווען אַ פלייסיגער אַרבייטער ביז זיין טויט און האָט פיעלעס געלייסטעט פיר דער ליטעראַטור פון זיין לאַנד. ער האָט איבערזעצט פיעל פערלען פון פּאָעזיע פון אַלע שפּראַכען דער וועלט. איבערהויפּט האָט ער זיך בעריהמט געמאַכט מיט דער איבערזעצונג פון דאַנטעס גרויסע ווערק „דיא געטליכע קאָמעדיע“. ער האָט געשריבען אין פּראָזע און נאָך מעהר פּאָעזיע. ער האָט אויך געשריבען פיעל דראַמען. זעהר אַ גרויסען פּלאַן האָט ער געהאַט אין זיינע דראַמען, אין וועלכע ער האָט געוואָלט פאַרשטעלען דיא היסטאָרישע בעדייטונג פון׳ם קריסטענטהום... דיא אידעע פון דיא דראַמען איז גרויס און איינינע פלעצער אין דיזע דראַמען זיינען שעהן, — אָבער אין אַלגעמיין זיינען זיי שוואַך און ניט ביהנענמעסיג ווי זיינע אַלע דראַמאַטישע ווערקע. ער האָט געשריבען אַהן אַ צאָהל קליינע לירישע געדיכטע, וועלכע זיינען זיס ווי פרישע האָניג פון אַ ביהנשטאָק און ריהרענד ווי אַ קלאָהרע טרעהר פון אַ געליעבטע. פון זיינע גרויסע ווערקע זיינען בעקאַנט „קאָורטשיפּ אָוו מיילס סטענדש“, „פּאַנדאַראַ׳ס מאַסקע“. דיא איינציגע פּאָעמע אין וועלכער דער פּאָעט הויבט זיך אויף ביז אַ סקעפּטיש־פילאָזאָפישען געדאַנק. „טיילס אָף אַ וויסייד אינן“ — אַלטע אייראָפּעאישע ערצעהלונגען איבערגעזונגען אויף אַ נייעם מאָטיוו. „יעוואַנגעלינאַ“ — אַ פּאָעם, וועלכע איז זעהר פּאָפּולער און וועלכע איז אַביסעל עהנליך צו געטהע׳ס „הערמאַן און דאָראָטהעאַ“. (צו געטהע׳ס „ערקלעהרונג“ איז עהנליך לאָנגפעלאָו׳ס „רעק אָוו העספּערוס“). זיין פּאָעמאַ „היאַוואַטהאַ“ איז בעריהמט אין דער גאַנצער וועלט און איבערזעצט אין אַלע שפּראַכען. וועגען דער פּאָעמאַ האָט מען זעהר פיעל געשריבען. ערשטענס, האָט מען לאָנגפעלאָוו׳ן בעשולדיגט, אַז ער האָט אימיטירט און אויך פיעלעס גענומען פון דער פינישער מיפּאָלאָגישער פּאָעמע „קאַלעוואַלאַ“... צווייטענס, מען האָט איבערצייגט, אַז ער האָט צוזאַמענגעמישט אין „היאַוואַטהאַס“ לעגענדען פון פערשיעדענע אינדיאַנישע שבטים, וועלכע זיינען פיינדליך איינע צו דיא אַנדערע און וועלכע האָבען געגענגעזעצטע מיטהאָלאָגישע אַנשויאונגען... ניט אַכטענדיג דערויף איז „היאַוואַטהאַ“ איין מערקווירדיגעס ווערק, עס איז איינע פון דיא בעסטע פּאָעמען פון לאָנגפעלאָוו. עס האָט אַ גרויסען אינטערעס, ווייל עס בעהאַנדעלט איין אָריגינעלען עכט אַמעריקאַנישען מאַטעריאַל און עס האָט ניט פערלאָרען דערמיט, וואָס עס טראָגט דיזעלבע פאָרם ווי דיא סקאַנדינאַווישע „עדדאַ“. פערקעהרט, עס גיט צו דער פּאָעמאַ דעם מאַיעסטעטישען כאַראַקטער פון אַ „נאַטירליכע“ געטער געשיכטע... זיינע פּאָעמס אָף „סלייווערי“ (פּאָעמען פון שקלאַפעריי) זיינען זעהר שעהן און מוזיקאַליש, האָבען אָבער אַ קליינעם סאָציאַלען ווערטה... זיי ענטהאַלטען אין זיך קיין שטאַרקען פּראָטעסט, קיין אויפרוף צום קאַמפּף פיר פרייהייט, קיין פלוך אויף דיא וואָס פערשקלאַפען זייערע מיטמענשען... ניין! עס איז זיסע, קלינגענדע, לירישע ליעדער פון שקלאַפעריי . . .

זיינע בעסטע און מעהר אָריגינעלע קליינע פּאָעמען, אין וועלכע עס שפּיגעלט זיך נאָך אָב דיא אַמעריקאַנישע נאַטור, זיינען ערשטע יוגענד פּאָעזיען, וועלכע זיינען געדרוקט אונטער דעם נאָמען „וואָיסעס אָוו דהי נייט“ (דיא שטימען דער נאַכט). אין איינע פון דיזע פּאָעמען, וועלכע איז אין אַמעריקאַ בעקאַנט צו יעדען קינד און וועלכע רופט זיך „אַ פּסאַלם אָף לייף“ דערגעהט דער פּאָעט ביז אַ געוויסען פּאַטהאָס, ער ערריכט אַ געוויסע מדרגה פון התלהבות און רופט אויס מיט מוטה :

*) In the World's broad field of battle,
In the bivouac of Life,
Be not like dumb, driven cattle!
Be a hero in the strife!

IV

פאַר וואָס איז לאָנגפעלאָוו דער בעליעבטעסטער פּאָעט פון דיא אַמעריקאַנער? דער אַמעריקאַנער איז צובראָכען אויף צוויי בעזונדערע טהיילען: זיין פּראַקטישעס לעבען און זיין זעעלען לעבען. אין זיין פּראַקטישען לעבען איז דער אַמעריקאַנער דראַמאַטיש, דאָס הייסט, טהעטיג, ער איז ליידענשאַפטליך, ענטהוזיאַסטיש, ענערגיש, פול מיט מוטה און אונטערנעהמונגס קראַפט, ער איז אונגעדולדיג, מאַטעריאַליסטיש, רעכענט נאָר אויף דער ווירקליכקייט, איז זעהר פלינק און פולל מיט קוראַזש. דערזעלבער אַמעריקאַנער אין זיין זעעלען לעבען איז ליריש סענטימענטאַל, לאַנגזאַם, געדולדיג, דער פייער פון זיינע אויגען איז אויס־

---

*) אין דער וועלטס גרויסע פעלד פון מלחמה,
אין דעם קריעגסלאַגער פון׳ם לעבען,
זיי ניט ווי שטומע געטריבענע בהמות!
זיי אַ העלד אין דיין שטרייט!

געלאָשען, ער רעדט שטיל, לאַכט אָהן הנאה, קוקט אָהן א ברעקיל ליידענשאַפט און ליעבט נאָר דאָס, וואָס איז געגען דער ווירקליכקייט, וואָס איז מיסטיש, אָדער אם ווייניגסטען ראָמאַנטיש. אַלס א רעאַקציאָן געגען דעם מארק-גערויש און דעם „הו-הא" פון זיין פּראַקטישען לעבען, פאָדערט ער דעם שטילען רוהיגען טרויער פון לירישע געפיהלע, דעם נעבעל פון ראָמאַנטיזמוס, וועלכער צייגט דיא וועלט ניט אַזוי וויא זיא איז אין דער וואָכעדיגער ווירקליכקייט. לאָנגפעלאָוו האָט געגעבען דעם אַמעריקאַנער גראַדע דאָס, וואָס ער האָט פון פּאָעזיע געפאָדערט...

לאָנגפעלאָוו זאָל ניט פערברייגגען אַזוי פיעל יאָהרען אין אייראָפּא, וואָלט פון איהם געווים זיך ניט ענטוויקעלט אַזא גרויסער געלערנטער און קענער פון ליטעראַטור, פון איהם וואָלט זיך אָבער פיעלייכט אויסגעארבייט א מעכטיגער און זעלבסטשטענדיגער פּאָעט, וועלכער וואָלט געזונגען דעם אַמעריקאַנער ניט וועגען דעם וואָס ער פערלאַנגט, נאָר וועגען דעם, וואָס ער דאַרף פערלאַנגען. לאָנגפעלאָוו איז געקומען קיין אייראָפּא פּונקט אין דער צייט, ווען דער קאַטאָלישער מיסטיציזם און דער קריסטליכער ראָמאַנטיזם האָט ארויסגעיאָגט פון דער ליטעראַרישער וועלט יעדע פּראָגרעסיווע אידעע. באיראָן און שעללי מיט זייערע מאַטעריאַליסטישע שטרעבונדען, מיט זייערע רעוואָלוציאָנערע פּאָעזיע, מיט זייער אָבלאַכען פון דיא אַלטע ראָמאַנטישע געטער און אַנערקענטע אויטאָריטעטען, — אַזעלכע פּאָעטען זיינען דאמאלס ארויס פון דער מאָדע, — אַנשטאַט דער פּאָעזיע וואָס האָט געפיהרט דעם פרייהייטס קאַמפף איז געקומען דיא פריעדליכע צוועקלאָזיגע פערטרוימטע ראָמאַנטיק, דאָס בײנקעניש נאָך דעם פערגאַנגענעם, דאָס שטרעבען אין'ם נעבעל פון אונוויסענהייט... לאָנגפעלאָוו איז אריינגעכאַפּט געוואָרען אין דעם שטראָם...

אָבוואָהל לאָנגפעלאָוו איז געווען א פּרומער פּראָטעסטאַנט, אָבער איבער אַלע זיינע דיכטונגען שוועבט א קאַטאָלישער גייסט... ער קוקט אויף דער וועלט דורך דיא פערשמירטע פענסטער פון אַן אַלטע נאָך אין 16טען יאהרהונדערט געבויטע קירכע. ער הערט קיין אנדערע מוזיק אויסער אָרגעל. ער זעהט מענשען נאָר אין פּאַנצירען און העלמען פון ריטער, לעבעדיגע מענשען, וועלכע אַרבייטען, ליידען, קעמפּפען און שטרעבען — אַזעלכע מענשען זעהט ער ניט. ער איז מאָראַליש, סענטימענטאַל, ראָמאַנטיש, אָבער ניט אָריגינעל און זעהר שוואַך. ער שילדערט קריסטליכע ענטזאַגונגען, ריטעליכען הערואיזם, פרומע געדולדיגקייט און שטילע ליידען, אָהן פּראָטעסט, זיינע טהעמען זיינען : אונמענשליכע איבערגעבענהייט, ענגלישע ליעבע און פאטהעטישע געפיהלען. ער האָט פיעל געזונגען פון דעם הערואיזם פון אונגעוויינליכע מענשען, דיא העלדענטהאטען פון דעם אַללטעגליכען מענשען זיינען איהם געבליבען אונבעקאַנט. ווען מען לעזט זיינע שעהנע, נאָבלע, וויא זיסע מוזיק קלינגענדע געדיכטע, מוז מען מאַנכעס מאָהל מיט פערדרוס און צאָרן אויסשרייען: וויא גרויס דער פּאָעט וואָלט געקענט זיין, ווען ער וואָלט פון זיין סוביעקטיווע אינערליכע וועלט ארויס אין דער גרויסער וואונדערבאַרער אויסערער וועלט!... ער איז אָבער געווען און איז זיין לעבען-לאַנג פערבליבען א ראָמאַנטישער טרוימער און אויף דער אויסערער וועלט האָט ער געקוקט דורך ראָמאַנטישעברילען . . .

מיט א ראָמאַנטיש קריסטליכען בליק האָט דער פּאָעט אמאָל אויך א קוק געטהאָן אויף דעם אַלטען אידישען בית עולם אין ניופּאָרט. מיט ראָמאַנטישע ליעבע און קריסטליכען מיטלייד בעזינגט דער פּאָעט דעם בית עולם, אויף וועלכען ער זעהט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק... דאָס פאָלק פון דער אָבגעשטאָרבענער פערגאַנגענהייט... ער פערגלייכט דיא אידען מיט ישמאָלן און הגרן, וועלכע האָבען לאַנג געוואַנדעלט אין דער וויסטע און שרייט אויס מיט א ביטערן לירישען געפיהל

But ah! What once has been, shall be no more!

. . . .

And the dead nations never rise again

אידיש - דייטשע אמעריקאנערין מיט'ן נאמען מיננע קלעערבערג האָט אויף דער פּאָעמע געענטפערט לאָנגפעלאָוו'ן מיט א געפיהלפאָלען שעהנעם שיר: זיא זאָגט, דער יוד האָט געוואַנדערט אין דער וויסטע לאַנג, אָבער ער לעבט און וועט לעבען.

„איך קען מיין קינד, מיין פאָלק ניכט שטערבען זעהן"!
ניכט הגר ריעף עס, — זאָ האָט איין גאָט געשפּראָכען!
און פון דעם טאָדטען ליעס ער אויפשטעהען,
דעם שטאַם, דער נאָר געבייגט וואר, ניע געבראָכען!

זיא ענדיגט מיט פּאַטהאָס: עס קען זיין פיעלע פעלקער זיינען פערשוואונדען, דיא יודען אָבער
„וויר זינד ניכט טאָדט! בייס גראָסען גאָט,
וויר לעבען!"...

לאַנגפעלאָוו וועט פיר עוויג פערבלייבען א בעליעבטער פּאָעט פאר דיא, וואָס ווילען נאָר פיהלען און ניט דענקען. ער וועט בלייבען איין אינטערעסאנטער פּאָעט פיר אַלע, וועלכע ווי־לען לערנען דיא נאָבלע שעהנע פאָרמען פון פּאָעזי. ער וועט בלייבען א געאכטעטער און בעליעבטער פּאָעט פאר יונגע לייט, וועלכע האָ־בען נאָך קיינע בעשטימטע שטרעבונגען און פיר אַלטע לייט, וועלכע זוכען אין פּאָעזי טרויע־ריגע, זיסע רוהע... פיר ריינע אונשולדיגע קינ־דער וועט ער בלייבען דער טהייערסטער פריינד און זיסטער זינגער פיר אימער און עוויג...

יעקב גאָרדין.

סאניע.

דיא לופט, מיט וועלכער זיא האָט אין איהר יוגענד געאטהעמט, איז געווען פויל מיט גייסט־ליכער שמוץ און אונפלויט; פאר איהר אין דיא אויגען האָט איהר מוטער פערקעהרט מיט איין ליובאָווניק; איהר פאטער איז געווען אין א פרעמדער שטאָדט און געלעבט דאָרט מיט א צווייטער פרוי.

דיא מענשען, וועלכע האָבען זיא ארומגע־רינגעלט זיינען געווען טהיעריש־נידריג, מיט איין גלייכגילטיג ־ זיסען שמייכעלע האָבען זיי גערעדט וועגען דעם זינד; דיא קינדער פון זייער גאס האָבען געשפּיעלט אין טאטע־מאַמע; פינף יעהריגע מיידלעך האָבען געוואוסט, וועלכע מיידלעך האָבען געהאט קינדער א פּאָר מאָנאט נאָך דער חתונה.

ווען זיא איז אַלט געוואָרען צוועלף יאָהר האָט זיא שוין געביטען געליעבטע, וויא איין צולאָזענעם קינד שפּיעלצייג; און ווען זיא איז אַלט געוואָרען אכטצעהן, און אין איהר האר־צען האָט זיך ערוועקט איין פערלאנגען אַלעס פערזוכען, און דיא עלענד האָט איהר געסטראַ־שעט פון אַלע זייטען, האָט זיא מיט א רוהיגען געוויסען, מיט דער קאַלטקייט פון איין אנאטאָם, פערקויפט איהר קערפּער פאר געלד.

אויף איהרע געסט האָט זיא געקוקט, וויא איין שענקער אויף זיינע בעזוכער, דיא שכורים.

ידידיה מרגלית.

הייאוואטהא

פון הענרי וואדסוואָרטה לאָנגפעלאָ.

(איבערזעצט פון ענגליש) פון יהואש.

.3

הייאוואטהאס קינדער - יאהרען.

איין מאָל אין א בין השמשות,
אין דעם עבר לאנג־פערגעססען,
אין דיא לאנג־פארמעקטע דורות,
אויף דיא ערד אראָבגעפאללען,
פון לבנה, איז נאקאמיס,
איז דיא רייצענדע נאקאמיס,
שוין א ווייב, דאָך ניט א מוטער.

ז'האָט מיט חבר'טעס געשפיעלט זיך,
און זיך שטיפענדיג געשאָקעלט,
אויף א וויעג פון וויינשטאָק־ריטלעך,
ווען איהר מאן'ס פערשטויסענע כלה,
האָט פון קנאה און פון שנאה,
דורכגעהאקט דיא גרינע האָידע,
דורכגעהאקט דיא וויינשטאָק־פלעכטלעך,
און אין הוילע שרעק, נאקאמיס,
איז אראָבגעפאללען פלוצלינג,
דורך דעם דונקלען אבענד־אויר,
אויף דיא מאָסקאָדיי דיא לאָנקע,
אויף דיא פריירע פולל מיט בלומען.
„ס'פאלט א שטערען" — ס'פאָלק געזאָגט האָט —
„ס'פאלט א שטערען פונעם הימעל".

דאָרטען צווישען מאָך און גראָזען,
דאָרטען צווישען ווילדע ליליעס,
אויף דער לאָנקע אין דעם שיממער
פון לבנה און פון שטערען,
האָט געהאט א קינד נאקאמיס,
און א נאמען האָט געגעבען
איהר וועניאָנא — ערסטע טאָכטער.

און דיא טאָכטער פון נאָקאָמיס,
וויא א פריירי־בוים געבליהט האָט,
אויפגעבליהט א הויכע יונגפער,
שעהן וויא דער לבנה'ס שיממער,
שעהן אזוי וויא שטערען־גליטצער.

איהר געווארענט האָט נאָקאָמיס,
איהר געזאָגט און איינגעהזר'ט:
„היט זיך פון דעם מאדזשיקיוויס,
ווינד פון מעריב, מאדזשיקיוויס,
הער ניט וואָס ער וועט דיר זאָגען,
לייג ניט צו זיך אויף דער לאָנקע,
בייג ניט איין זיך צו דיא ליליעס,
ס'וועט דער מעריב־ווינד דיר שלעכטס טהון".

ניט געאכט האָט זיא דיא ווארנונג,
ניט געאכט דיא קלוגע ווערטער,
און דער מעריב־ווינד געקוממען,
קעגען אבענד איז פאמעליך,
צו שפאצירען אויף דער לאָנקע,
שושקענדיג זיך מיט דיא בלעטטער,
בייגענדיג דיא גראָז און בלוממען,
ביז ער האָט בעמערקט וועניאָנא,
אויסגעצויגען צווישען ליליעס,
און זיך חנפנ'דיג גע'שדכנט,
לאסטשענדיג זיך צו געשדכנט,
ביז זיא האָט א זוהן געבאָרען,
זוהן פון ליעבע און פון קוממער —

אָט פון איהם איז הייאוואטהא,
איז דאָס וואונדער קינד געבאָרען,
דאָך דיא טאָכטער פון נאקאמיס,
הייאוואטהאס צארטע מוטער,
איז פון הארצוועהטאָג געשטאָרבען,
פון דעם מעריב - ווינד פארלאָזען,
פון דעם פאלשען מאדזשיקיוויס.

לויט און לאנג באוויינט איהר טאָכטער,
האָט נאקאמיס דיא באטריבטע,
„כ'ווינש דעם טויט זיך" האָט געקלאָגט זיא
„כ'ווינש זיין טויט אזוי וויא דו ביסט"
פריי פון פראצע, פריי פון וויינען,
וואהאנאָווין ! וואהאנאָווין ! —

ביי דעם ברעג פון גיטשי ־ גומי,
ביי דעם ים ־ וואסער דעם העללען,
איז געווען נאקאמיס ביידעל —
דער לבנה'ס קינד נאקאמיס,
הינטען פלעגט דער שווארצער וואלד שטעהן
פלעגט שטעהן דיא דונקלע סאסנעס,
שטעהן דיא גרינע טענען ־ ביימער;
פאָרענט האָט גערוישט דאָס וואסער
האָט געקלאפּט אין זונן דאָס וואסער,
האָט געגלאַנצט דער ים דער העללער.

דאָרט דיא אלטעטשקע נאקאמיס,
אויפגעבראכט האָט היאוואטהאָן,
אין א לינדען־וויג געוויגט איהם,
ווייך געבעט אויף מאָך און ריטלעך,
פעסט געשנירט מיט הירשען־אַדערן;
זיין געשריי געשטיללט מיט סטראשען:
„שא, דער הוילער בער וועט קומען",
איהם פארשלעפערט מיט איהר זינגען:
„יו ־ א יו" — מיין קליינער פויגעל,
ווער בעלויכטען האט דאס ביידעל,
מיט דיא גרויסע אויגען זיינע? —
יו ־ א ־ יו — מיין קליינער פויגעל.

זאכען פיעל דערצעהלט נאקאמיס,
האָט איהם פון דעם הימעל'ס שטערען,
האָט איהם דעם קאָמעט געוויזען,
אישקודא מיט פייער לאָקען —
אויף דעם טויטען־טאנץ פון גייסטער,
קריגס־לייט אויסגעפּוצט מיט פעדערן,
אין דיא הענד מלחמה שטעקענס,
וואָס אין קאלטע נעכט פון ווינטער,
וויט אוועק אין צפון ־ ווינקעל,
שפּריטען זייער שיין פאנאנדער.
אויך דיא ברייטע וועג דיא ווייסע,
שטעג פון רוחות און פון שאטענס,
וועלכע ציהט זיך דורכ'ן הימעל,
פולל מיט רוחות און מיט שאטענס.

זוממער נעכט ביין ביידעל זיצען,
פלעגט דער קליינער היאוואטהא,
צוגעהערט דאס סאסנעס שושקען,
צוגעהערט דאָס וואססער פליוסקען,
„מיננע ־ וואווא" זאָגט דיא סאסנע,
„מאָדוויי ־ אשקא„ — זאָגט דאָס וואסער.

האָט באטראכט דאָס פייער־פליגעל,
וויא עס פלאטערט בין השמשות,
און באלייכט פון וואלד דיא קוסטעס,
מיט איהר קליינצענקער לאנטערנע,
און ער פלעגט דאָס קינד ־ ליעד זינגען,
אויסגעלערנט פון נאקאמיס:
„וואַ־וואַ־טיי זי" פייער פליגעל,
פלאטערדיגע פייער ־ בריה,
טאנצענדיג באשעפעניססעל,
לייכט מיר מיט דיין קליינעם ליכטעל,
איידער ד'לייג אין בעט זיך שלאָפען,
איידער ד'שליס דיא אויגלעך מיינע.

ער פלעגט צוזעהן דיא לבנה,
וויא זיא הויבט זיך אויף פון וואסער,
רונדער ווערענדיג און גרעסער.
זעהענדיג אויף איהר דיא פלעקען,
פלעגט ער פרעגען: „וואָס בעטייט עס?"
און נאקאמיס פלעגט איהם זאָגען:
„ס'האָט אמאָל אין כעס א קריגס־מאן,
אָנגעכאפּט ביי נאכט זיין באָבען,
זיא א וואָרף געטהאָן צום הימעל,
גלייך אקעגען דער לבנה,
ס'איז איהר קערפּער וואָס דו זעהסט דאָרט.

זעהענדיג דעם רעגענבויגען,
אויף דיא מזרח־זייט פון הימעל,
פלעגט ער פרעגען: „וואָס באטייט עס?"
און נאקאמיס פלעגט איהם זאָגען:
ס'איז דיא „יענע ־ וועלט" פון בלוממען,
אלע בלוממען פון דיא וועלדער,
אלע ליליעס פון דיא סטעפּעס,
ווען זיי ווערען דאָ פארוויאנעט,
בליהען ווידער אויף אין הימעל.

ווען ער פלעגט ביי נאכט דיא אייל'ען,
הערען שרייענדיג אין וועלדיל,
פלעגט ער מיט א קול פון אימה,
פרעגען „וואָס איז דאס" נאקאמיס? —
און נאקאמיס פלעגט איהם זאָגען,
ס'איז דיא אייל און איהרע קינדער,
רעדענדיג אויף זייער לשון,
איינער שילטענדיג דעם צווייטען.

אויסגעלערנט היאוואטהא,
האָט דיא שפּראך פון אלע פויגלעך,
יעדענס נאמען און געהיימנים,
וויא זיי בויען זוממער נעסטען,
וואו זיי ווערן ווינטער נעלם,
פלעגט מיט זיי א שמועס פיהרען
ביים באגעגענען זיך, און רופען
„היאוואטהא'ס קליינע היהנדלעך".

אויך געלערנט היאוואטהא
האָט דיא שפּראך פון אללע חיות,
יעדענס נאמען און געהיימנים,
וויא דער ביבער בויט זיין וואָהנונג,
וואו דיא וועווערקע דיא ניסס האלט,
וואו עס שטעקט דעם רענטהיר'ס פלינקייט,
און פאר וואָס דער האָז האָט מורא,
פלעגט מיט זיי א שמועס פיהרען,
ביים באגעגנען זיך און רופען:
„היאוואטהאס שפּיעל ־ חברים".

און אי־א־גוי דער באריהמער,
דער באריזטער און בארעדטער,
אָנגעשטאָפּט מיט שעהנע מעשות,
און א גוטער פריינד נאקאמיס —
האָט געמאכט א פיילען־בויגען,
פאר דעם קליינעם היאוואטהא'ן,
פון אן עספּערצווייג דעם בויגען,
פון א דעמבע צווייג דיא פיילען,
זיי פארשפּיצט מיט שארפע שטיינדלעך,
און מיט פעדערען באפליגעלט,
און דיא שטריק געמאכט פון הירש־פעל.

דאן געזאָגט צו היאוואטהא,
געה מיין זוהן, אריין אין וואלד איצט,
וואו זיך רויטע הירשען זאממלען,
שיסס אונז דאָרט, א גרויסען רעה־באָק,
שיסס פאר אונז א הירש מיט הערנער.

איינער און אלליין אין וואלד איז,
גלייך געגאנגען היאוואטהא,
שטאָלץ, מיט פייל און פיילען־בויגען,
איבער איהם און רונד ארום איהם,
האָט א פויגעל כאָר געזונגען:
„אָ ניט שיסס אונז היאוואטהא!"
ס'האָט געפּיפּטשעט איהם דאָס פויגעל
מיטען רויטען האלז, אָפּיטשיי
איז דאָס בלוי־קאָלירטע פויגעל,
דאָס אָווייססא, האָט געטשירקעט:
„אָ ניט שיסס אונז היאוואטהא!"

אויף א דעמבע, אומגעשפּרונגען,
איז דיא וועווערק׳ אדזשיזאמא,
האָט געהאָפּקעט דורך דיא צווייגען,
האָט געפּרייכט און האָט געפּלוידערט,
האָט געקייכט און האָט געחוזקט,
„אָ ניט שיסס מיך הייאוואטהא!“

און דער האָז האָט אָבגעטרעטען
איהם דעם וועג, און פון דערווייטענס
שטעהענדיג אויף הינטער־פיססלעך
האלב מיט שרעק און האלב מיט שמד־שטיק
האָט געזאָגט צום קליינעם יעגער :
„אָ ניט שיס מיך הייאוואָטהא“.

דאָך ער האָט ניט אומגעקוקט זיך,
האָט געטראכט פון רויטע הירשען,
נאָכגעקוקט און נאָכגעגאנגען,
זייער סליאד וואָס פיהרט צום וואססער,
וואו זיי בראדזען דורך דעם טייכעל,
און געוואנדערט וויא אין חלום.

דאָרט פארבאָרגען צווישען בוימען,
האָט ער אויפען הירש געלויערט,
ביז ער האָט דערזעהען צוויי הערנער,
האָט דערזעהען צוויי גרויסע אויגען,
און צוויי נאָזלעכער וואָס דיכען,
אָט שוין קומט דער הירש, באשפּרינקעלט
פון דיא בלעטטער׳ס ליכט ־ און שאטען,
ס׳האָט זיין הערץ געטהאן א ציטטער,
וויא א בלאט פון וואלד געטרייסעלט,
וויא א בירקען־בלאטט געפּלאטערט,
ווען דער הירש איז אָנגעקומען.

דאן געשטעלט האָט אויף איין קניע זיך,
הייאוואטהא און געציעלט זיך,
קוים א צווייגעל האָט געוויגט זיך,
קוים א בלעטטעל האָט געשארכעט,
דאָך דער חיטרער הירש גאָר פּלוצלינג,
האָט א זעץ געטהאָן מיט אללע
פיער קאָפּיטעס, צוגעהערט זיך.
האלטענדיג איין פוס אין אויר,
און א שפּרונג געטהאָן אזוי וויא,
ער וואָללט געהן דיא פייל אנטקעגען,
זוממענדיג פון טויט דיא פייל האָט,
וויא א ביהן איהם איינגעשטאָכען.

טויט איז ער אין וואלד געלעגען,
טויט ביים סאמע ברעג פון וואססער,
ס׳האָט זיין הערץ ניט מעהר געצאפּעלט,
דאָך דאָס הערץ פון הייאוואטהא,
האָט געהויבען זיך פון שמחה,
ווען ער האָט א היים געבראכט איהם,
און נאקאמיס און אי־א־גו,
האָבען לויבענדיג באגריכט איהם.

פון דעם הירשענפעל א מאנטעל,
האָט געמאכט פאר איהם נאקאמיס,
פון דעם הירשענפלייש א סעודה,
האָט לכבוד איהם געמאכט זיא.

און דער גאנצער דאָרף געקוממען,
איז אויף הייאוואטהא׳ס מאָהלצייט,
און געלויבט איהם און גערופען,
„הארץ פולל גבורה“ — סאן־גי־טא־הא
„הארץ פון ווילדען וואססער פויגעל“
מאן־גאָ־טייזי איהם גערופען.

זיי פאסט ניט...

פון האנס אָסוואלד.

ורך דעם העל־בעלויכטעטעם פלאן איז געגאנגען א בעטלער, — דירעקט צום רייך פערפוצטען קאפע. זיינע אויגען פול מיט בעטענדיגע, ליבען, דאנקבארקייט און ערגעבונג, האט ער ניט אראבגענומען פון דער ליכטיגער געביידע. זיין בליק האט זיך ווייא איינגעגעסען אין איהר. זיינע ליפען האבען געציטערט פון ערוואַרטונג.

דער מאַן האָט מיט קיין זאך בעזונדער זיך ניט געוואָרפען אין דיא אויגען, ער האָט אויסגעזעהן ווייא א געוועהנליכער ארבייטער א בוי ארבייטער, וואָס האָט פערלאָרען זיין שטעלע און צוליעב דעם אביסעל צופיעל אויסגעטרונקען... זיין ווייכער הוט איז געווען פארשפריצט מיט קאלך, זיין ראָק אָבגעטראָגען, פארריגענט און אלטמאָדיש. זיין געזיכט בעוואקסען און אויסגעמאטערט, ווייא א ארבייטער־געזיכט שבת אבענד נאך א שווערע וואך ארבייט. נאָר זיינע אויגען האָבען שטארק געלויכטען און זיך ניט אָבגעריסען פון ארייגאנג פון קאפע, אזוי אז ער האָט גאָר ניט געזעהען וואָס עס טהוט זיך ארום איהם רעכטס און לינקס.

און רעכטס און לינקס האָבען זיך געיאָגט הין און צוריק קעבס, קארס, אָמניבוסען, עקס־פרעסען אין א משונה'דיגען מיש־מאַש. דער רעש און געטומעל, דיא צעהנדליגע לאמטערנעס, וואָס פלעגען זיך בעווייזען און פערשווינדען, וויא פינקעלנדע שטערן האָבען דעם מאַן ניט געשטערט. ער האָט זיך דורכגעשטופּט דורך צוויי לויפענדע קארס און געבליעבען גאַנץ. אויף איהם האָט זיך ווייא א בליץ געטראָגען א גרויסער אוטאָמאָביל... דיא דאמען אין אוטאָמאָביל האָבען א געשריי געטהאָן. זיי האָבען געמיינט אָט אָט ער איז שוין אונטער די רעדער. ער אָבער האָט זיך א מינוט אָבגעשטעלט, א קוק געטהון אויף דיא צושראָקענע געזיכטער פון דיא דאמען אין דיא וואונדערבארע היט, און איז רוהיג געגאַנגען ווייטער.

לעבען טראָטואר האָט א פערד איהם שיער ניט איבערגעפאָהרען, אָבער ער האָט קאלטבלוטיג אָנגענומען דעם פערד פאר'ן צוים, איהם אָבגעשטופּט און ארויף אויפ'ן טראָטואר.

מיט דערזעלבער ענטשלאָסענהייט ניט זעהענדיג וואָס עס טהוט זיך ארום איהם, האָט ער זיך דורכגעשטופּט דורך דיא שפּאַצירענדע מאַסען, און איז אריין אין קאפע.

אין זאַל זיינען געזעסען ביי ווייסע מאַרמאָרנע טישלאך געסט—א ערב רב פון עלעגאַנץ, געשעפטס גייסט, קונסט און געלד. דאַמען, אין זאַמעט־היט מיט בלומען, זיינען געזיבען צווישען הערען וועלכע זיינען געווען כמעט אלע אָנגעטהאָן אין שווארצען. אויף זייערע געזיכטער איז געפאלען דער בלאסער שיין פון דיא ווייסע עלעקטרישע ליכט. זיי אלע האָבען געקוקט אויפ'ן פלאַץ מיט זיין מימיעל.

דיא דאַמען און הערען, ביים אריינגאַנג, האָבען אפילו בעמערקט דעם ארבייטער, וואָס איז נאָר וואָס אריין אין קאפע, אָבער דער גערויש פון גאַס האָט זיי באַלד מיט עטוואָס אַנדערש פעראינטערעסירט און זיי האָבען זיך צו איהם מעהר ניט צוגעקוקט.

מיט א צופריעדענעם שמייכעל איז דער ארבייטער געשטאנען אין ברייטען קאָרידאָר פון קאַפע. ער האָט אביסעל געבראַכט אין אָרדנונג זיין פעדיל, שפעטער געמאכט דיא פאַפיער וועלכע האָט אין צוויי ערטער געפלאַצט. — און איז לאַנגזאַם געגאַנגען אין זאַל. פאַר איהם זיינען געשטאַנען הערען אין צילינדערס. זיי האָבען מיט דיא אויגען געזוכט לידיגע פּלעצער. דער ארבייטער האָט אויך געזוכט א לידיגען פלאַץ, א שטוהל זיך אוועקצוזעצען און אייסצורוהען.

ווייא נאָר דיא הערען האָבען בעמערקט דעם ארביימער, זיינען זיי אוועק אָן א זייט. זיי האָבען געמיינט, ער האָט דאָ, אָדער אין קיך וואָס צו טהאָן.

ער האָט געשמייכעלט:

— „איך זוך נור אַ שטוהל" —

אין דעמזעלבען אויגענבליק האָט איהם דער שווייצער דערזעהען.

—„איהר זייט דאָ געווים על־פּי־טעות"— האָט ער פריינדליך געזאָגט צום ארבייטער.

יענער האָט אויף איהם אויסגעשטעלט אַ פּאָאר אויגען, — אַ שמייכעל געטהון און געזאָגט:

— „אַ טעות? — ניין — וואָס הייסט? — איך וויל נור מיין גלאָז ביער."

— „געהט בעסער דאָרטען, אנטקעגען, דאָ איז ניט אייער פּלאַץ" — האָט שוין בייז געזאָגט דער שווייצער.

„—פאַרוואָס קען איך דאָ ניט בלייבען?" האָט דער ארבייטער געפרעגט.

„—דערפאַר, ווייל דאָ איז מעהר קיין פּלאַטץ ניטאָ" — האָט אויסגעשריען דער דינער און געוואָלט איהם ארויסשטופּען פון קאַפּע.

ערשט איצט האָבען זיך פאַראינטערעסירט די אללע אנדערע געסט. ביי איין טיש, וואו עס זיינען געזעסען יונגע לייט, איז געוואָרן לעבעדיג. די דאַמען האָבען גענומען זיך קריימען. זיי האָט געעקעלט פון דעם ארבייטערס שמוציגע קליידער, פון זיין ניט געגאָלטען פּנים, פון דעם קליינעם, פינסטערן שטערן און דיא ברענענדע אויגען.

דער ארבייטער האָט אָבער ניט געוואָלט גלויבען, אז אין זאאל זאָל פאר איהם ניט זיין קיין פּלאַטץ. ער האָט זיך ארומגעקוקט און געזוכט אַן אָרט.

דער שווייצער האָט איהם גענומען פאר די ברייטע פּלייצעס שטופּען פון קאַפּע.

דער ארבייטער האָט זיך ניט געראָזען.

עס איז געוואָרען טומעלדיג.

„וואָס? איהר ווילט דאָ ניט ארייןלאָזען אַ מענשען וואָס פערדיענט עהרליך זיין ברויט? וואָס? דאָ איז ניטאָ קיין פּלאַטץ פאר מיר— פאר ווילהעלם לעהמאַן? יא! איך בין לעהמאַן!.... ווער ווייס, וויפיעל גנבים און רויבער עס זיצען דאָ! און איך וויל נאָר אַ גלאָז ביער! מעהר גאָר ניט.... וואָס? עס איז מיר צו טהייער?"....

איצט איז ער שוין געשטאַנען דרויסען אויפ'ן גאס. דער שווייצער האָט מיט זיין קערפּער פערשטעלט די טהיר, ביים ארייןגאַנג.

„—וואָס"? — האָט ער געשריען — און אז אַ גלאָז ביער קאָסט פופצעהן פפעניג. און ווען.... ווען אפילו צוואַנציג פפעניג אָדער..... ער איז געוואָרען בלאס און שטיל.

אלע געזיכטער פון דיא קאפע געסט האָבען געשמייכעלט. איינער האָט זיך צולאַכט.

אַז אַ גלאָז ביער קען נאָך טהייערער קאָסטען, דאס הפּנים קען ער זיך ניט פאָרשטעלען.

דעם אַרבייטער האָט מען דערמיט געמאַכט שווייגען. ער האָט טרויעריג אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און אַ פּאָאר טרעהרען האָבען זיך געקייקעלט איבער זיינע שמוציגע באַקען.

ער האָט גענומען זיין פעקעל, פון וועלכען עס האָבען זיך ערשט געזעהען צוריסענע שמאַטעס און האָט פלוצלינג אָנגעהויבען זידלען און שילטען. זיין פעסטקייט און זיכערהייט זיינען פערשוואונדען. זיינע אויגען האָבען געברענט פון האס, שמערץ און פיין.

„—אַ באַנדע! וואָס דענקט איהר זיך?... איהר וועט דאס נאָך אַמאָל גערענקען! איהר.... איהר... ווען מען קומט צו אייך, ווארפט איהר נאָך ארויס! אָ, ווארט נאָר, ווארט נאָר!...

זיין שטימע האָט געציטערט אזוי וויא עפּעס וואָס וואָלט איהם אין האלז געשטאַנען און ניט געלאָזט ריידען.

איינינע אין קאפע האָבען געלאכט. אַנדערע האָבען זיך דערשראָקען. דער גרעסטער טהייל איז געבליעבען גלייכגילטיג.

ביי אַ טישעל האָט איינער געזאָגט:

„נו, דער וואָלט זיך צו שטאַרק געוואונדערט, ווען מען וואָלט איהם הייסען בעצאָהלען 30 פפעניג פאר אזא גלאָז ביער. איז דען ניט בעסער אז מען לאָזט זיי ניט אריין?„

איהם האָט אַ צווייטער געענטפערט:

„האָט איהר ניט געזעהען? דאָס פאָלק, דאס גאַנצע פאָלק, האָט געוואָלט צו אונז קומען.... אָרע.... און ערשט שיטען זיי... וויינען זיי... דאָרט אויפ'ן גאס"....

אללע זיינען מיט איין מאָל שטיל געוואָרען און געקוקט אויפ'ן גאס

דער ארבייטער איז געגאַנגען לאנגזאם מיט אַ בלייכען געזיכט, טרעהרענדע אויגען און ציטערנדע ליפּען.

זיין שלוכצען און שילטען האָט מען נאָך געקענט הערען אפילו, ווען ער מיט דעם צוריסענעם פעקעל האָט זיך פערלאָרען אין דער מאסע.

איבערזעצט פון מ. האָמ··סקי.

פריהלינגס-ליעדער

פריהלינג, פריהלינג איז געקומען,
אללעס דריינגט זיך, אללעס בליהט,
אָפען שטעהען הימעלס פענסטער,
גאָלדיג שטראַהלט פון דאָרט און גליהט...

פולל מיט נייע, יונגע קרעפטען
האָט נאַטור זיך אויפגעוואַכט,
און מיין הארץ זיא בליהט און לויכטעט
העלל אין יוגענד־פרישען פראַכט. . . .

2.

דער פריהלינג, ער שוועבט אויפ'ן בארג, אויפ'ן טהאָל
און כישוף'ט און שמייכעלט און לאַכט,
דיא ערד האָט מיט בלימעלאך גאָר אָהן א צאָהל
פריש פון איהר שלאָף אויפגעוואַכט.....

און פריהלינג וועהט יעצט דורך מיין יעדען געדאַנק,
וויא פריהלינג מיין הארץ בליהט און לאַכט,
און טיעף אין מיין זעעלע הערשט הערליך און שעהן
דיא ליעבע מיט צויב'רישער מאַכט...

3.

אין זון־שיין, אין גאָלד־שיין
געקומען איז דער מאַי.
דער וואַלד גרינט, דאָס פעלד שפּראָצט,
כ'גליהט נאַטור אויף ס'נאַי.

און זון־שיין, און גאָלד־שיין,
און פויגעל־ליעדער זיס,
זיי ברייגגען אין מיין הארץ אריין
פון מאַי א צויבער־גרים....

4.

קלינג, קלינג, קלינג מיין ליעד,
פריהלינג איז געקומען,
זילבער־שעהנע וואָלקענדלאַך,
גרעזעלאַך און בלומען.

לאַכענדיגע בערגעלאַך,
שמייכלענדיגע שטראַהלען;
קלינג, קלינג, קלינג מיין ליעד,
ס'רוישען אַלע קוואַלען....

קלינג, קלינג, קלינג מיין ליעד,
מיין ברוסט איז פולל מיט שטרעבען,
מיט טויזענד הערצער האָט ערוואַכט
דער פרייער יונגער לעבען....

קלינג, קלינג, קלינג מיין ליעד,
דיא לופט איז פולל מיט דופטען,
דיא שעהנהייט שטייגט מיליאָנען־פאַך,
מיליאָנען־פאַך אין לופטען....

קלינג, קלינג, קלינג מיין ליעד,
וואו בוימער גרין זיך קראַנצען,
קום, ליעבעס קינד, קום, שעהנעס קינד,
קום מיט דעם פריהלינג טאַנצען...

5.

ליעבסטע, ניט שרעק זיך, דער ווינטער איז ווייט,
און ווייט איז דער קעניג פון קעלט;
אָ, זעה יעדער גרעזעלע שפּאַרט זיך און שפּאַרט
צו זעהן נור דיא ליכטיגע וועלט...

עס קלינגען דיא טהאָלען, עס קלינגען דיא בערג,
מיט הימעלשע־צויבער מוזיק.
עס שפּיעלען זיך שאַטענס, עס מורמעלט דער טייך
פון מאַי, און פון פרייהייט און גליק...

עס שוועבען אין לופטען פיעל פליגעלאך שעהן,
וויא גאָלדענע שיפעלאך אום.
דער קעניג פון פראָסט האָט פערלאָרען זיין מאַכט,
דער פריהלינג הערשט יעצט אומעטום....

6.

קען ווינטער הערשען אין דיין הארץ,
ווען גאָלד פיללט אָן דיא לופט?
ווען ס'רוישט און זינגט דער טייבעל מילד?
און פויגעל זינגט און רופט?

קען ווינטער הערשען אין דיין הארץ,
ווען ס'דעקט דיא פעלד איהר ברוסט
מיט בלימעלאך, וואָס האַלזען זיך
און קושען זיך אין לוסט?....

קען ווינטער הערשען אין דיין הארץ,
ווען ד'וועלט איז פריש און פריי?
קען וועלכע קראַפט, אָ, וואָגען דען,
זיך רייצען מיט דעם מאַי?...

7.

אָ, הארץ, מיין הארץ, ארויס אין פעלד!
וואו שעהן דיא בלומען בליהען,
וואו ס'בליקט דער הימעל בלוי און ריין,
וואו נייע שטראַהלען גליהען...

דאָרט אטהעמט יעדער ווינטעל זיס,
מיט בשמים און פּערפיומען,
דאָרט קלינגט דיא לופט: פון פויגעלס ליעד,
פון ביהן, דעם מילדען זשומען...

דאָרט בלאָזט אין דיר נאטור אריין
א פרישען, יונגען לעבען.
דאָרט גיסט אין דיר דער פריהלינגס־גייסט,
א זיסען פרייהייטס - שטרעבען....

יואל סלאָנים.

פון העסטער סטריט.

„טרומבאַדורא,
צימבעלינא,
מאנדראַגאַרא,
חי וקים!“

האבען הילכיג, איינע איבעריאַגענדיג דיא צווייטע, אויסגעשריען זייערע ביידענס שטימען, איינעמס איין היסטעריש פּרעהליכע, דעם צווייטענס איין קאָמיש טרויעריגע, אויף העסטער סטריט, אונטער דעם הויכען, קאלטען און אויסגעשטערענטען אמעריקאנישען הימעל.

— קויפט, אידעלאך, קויפט! פלעגען זיי זיך יעדען מאל א כאפ טהון.

דער ערשטער, וועמעס שטימע איז געווען היסטעריש פרעהלאך, איז געווען אנגעטהאָן אין א רויטען, טערקיישען קאשקעטיל, און זיינע שוואַרצע וואנסען און שפּיציג בערדיל האבען איהם ווירקליך עהנליך געמאכט צו איין טערק. דער צווייטער, וועמעס שטימע איז געווען קאָמיש טרויעריג, איז געווען בלייך און בעגייסטטערט וויא איין הונגעריגע ליעבע, און זיינע אויגען האבען געבעטען: אידעלאך קויפט! איבער זייער פושקארט האט געברענט א רויכעריג רויטער פאקעל, צוויי פאהנען האבען געוועהט, איין פארביג געקעסטעלטע אמעריקאנער פאהן, און א בלוי ווייסע פאהן מיט א מגן דוד פון ציון.

דער פושקארט איז געווען פול מיט פעקלאך שאַקאלאד, גרויסע, יעהן איינגעפאקטע פעקלאך, צוויי פעני א שטיק.

און ווער עס פלעגט דורכגעהן פלעגט זיך ניט קענען איינהאלטען ניט אויסצושיעסען א געלעכטער, נאריש טרויעריגען געלעכטער. אזוי וויא נאכט־באבאטשקעס צו א פייער איז דער עולם צוגעצויגען געוואָרען צו דיא ביידע מענשען מיט דיא פאהנען, וואס האבען געוועהט אונטער דעם רויכערדיג רויטען פאנאר. און עפּיס א מאָדנער געלעכטער, א נארישער און טרויעריגער, האט זיך געטראגען צווישען עולם, און פון ווילדע התפעלות האָבען פיעלע געזידעלט.

מיט א ביטערן שמייכעלע האט דער טערק אליין געשריען:

„טרומבאַדורא,
צימבעלינא,
מאנדראַגאַרא,
חי וקים!“

— קויפט, אידעלאך, קויפט! האט פלוצים דער צווייטער אויסגעשריען.

און וויא זיי וואלטען אלע מיט איין מאל בעשטראהלט געוואָרען פון איין געדאנק — האט זיך יעדער גענומען שארען אין דיא קעשענעס נאך פעניס און קויפען. און וויא זיי וואלטען אלע זיך פערשעהמט פאר זיך אליין — האבען אלע אין איין צייט פערלאָזען דעם פּלאץ, מורא האבענדיג זיך טרעפען מיט דיא בליקען פון אט דיא ביידע אָרימע מענשען.

אין א ווייל שפּעטער, ווען דער עולם איז זיך צוגאנגען, האט ווידער געקלונגען איבער העסטער סטריט אונטער דעם אמעריקאנישען הימעל.

„טרומבאדורא,
צימבעלינא,
מאנדראגארא,
חי וקים!“

ידידיה מרגלית.

דער מקור פון קראפט אויף דער ערד

פון דר. י. בלומשטיין.

אין דער נאטור זיינען פאראן פיעלע פערשיעדענע כוחות. עס זיינען פאראן כוחות וואס דער פשוט'ער, אויך אומגעבילדעטער מענש, זעהט אדער בעמערקט טאג טעגליך, ווי למשל דער ווינד, וואס רייסט אויס בוימער מיט דיא ווארצלען, וואס רייסט אראב דעכער פון דיא הייזער, טרייבט דיא זעגעל־שיפען אויפן וואסער, און דרעהט דיא פליגלען פון דיא ווינד־מיהלען אויף דער יבשה, אדער דיא שטראמען פון דיא טייכען, און נאך בעסער דיא גרעסערע און קלענערע וואסער־פאלען, וועלכע טרייבען גרעסערע אדער קלענערע מאשינעס, ענטוועדער דירעקט מיט זייער אייגענעם כוח פון דעם שטורם'דיגען וואסער־שטורץ, אדער זיי ווערען אומגעענדערט אין עלעקטריציטעט און דיא עלעקטרישע מאטארען טרייבען דיא מאשינעס שוין מיט דער ניי־געבארענער*) עלעקטרישע קראפט. א חוץ דיא אויבענדערמאנטע ווינד און וואסער קראפט זעהען מיר נאך זעהר פיעלע אנדערע קרעפטען אין דער נאטור, וויא למשל דיא קראפט פון לעבעדיגע ברואים פון פערד וואס פיהרען משא, אקערן דיא ערד, טרייבען אויך מאשינעס אין אנדערע ערטער און פאר אלעמען דיא קראפט פון דיא צוויי־פיסיגע בעשעפעניסען, פון דיא מיליאנען ארבייטער אויף דיא פערשיעדענע פאבריקען און ווערקשטאטען, וועלכע שטעלען צו אזא אונגעהייערע מאסע פון דער, ליידער זעהר ביליגער סחורה — ארבייטס־קראפט, אדער וויא דיא פיזיאלאגען רופען עס, — מוסקעל־קראפט.

דאס זיינען ביישפיעלען פון קרעפטען, וועלכע געפינען זיך אין דער נאטור, אזוי צו זאגען, פארטיגערהייט, בגלוי. עס זיינען אבער נאך דא אזוינע כוחות אין דער נאטור, וועלכע דער געוויינליכער, ניט געלערנטער מענש זעהט ניט קלאהר און דייטליך, וויא למשל דיא עלעקטרישע קראפט, דיא ליכט־קראפט, דיא כעמישע קראפט, אדער ריכטיגער דיא כעמישע ענערגיע, דיא קראפט פון ווארעמקייט, א. ז. וו.

אט דיא אלע קרעפטען אין וועלכער פארם און געשטאלט זיי זאלען זיך פאר אונז מענשען ניט ארויסווייזען אויף דער ערד, אין דער ערד און ארום אונזער ערד, זיי אלע שטאמען בעצם פון איין איינציגען מקור, און האבען איין אור־פאטער. ס'פערשטעהט זיך, אז איך מיין דא ניט דעם „אבי כל היצורים“, דער פאטער פון אלע בעשעפעניסען, דעם רבונו של עולם. מיר מענשען פון דער נאטור־וויסענשאפט זיינען מיט איהם, זעהר קנאפע מחותנים, און אויך ער איז אודאי צופריעדען וואס מיר לאזען איהם צורוה...

איך מיין בלויז, אז עס געפינט זיך איין פארטיגע קראפט אויף דער וועלט, הייסט עס, פון וועלכע דיא אלע אנדערע קרעפטען אהן א שום יוצא מן הכלל, ציהען זייער יניקה. איידער אבער איך וועל בעשרייבען פון וואנען דיא אלע פערשיעדענע כוחות אין דער נאטור קומען ארויס, וויל איך נאך פאלגענדעס בעמערקען. אלע פערשיעדענע קרעפטען וועלכע מיר קענען און וויסען, — אויך דיא, וועלכע מיר קענען נאך לעת עתה נישט — אלע זיינען אין דער אונטערסטער שורה ניט מעהר וויא פערשיעדענע בעוועגונגען*), און אזוי וויא איין בעוועגונג קען איבערגעהן אין דער צווייטער (וויא מיר האבען שוין געזעהען ביי דעם ביישפיעל פון ארבייט און ווארעמקייט, וועלכע עס קענען אריבערגעפיהרט ווערן איינע אין דיא אנדערע**) און דיא זעלביגע זאך איז אויך מיט אלע אנדערע ענערגיען, וועגען וועלכע מיר וועלען נאך ווייטער רעדען) קען מען שוין דערפון בלויז מיט'ן פשוט'ן שכל ממילא קומען צום שלום אז דיא אלע ארטען פון בעוועגונגען מוזען ערגיץ וואו האבען איין שורש ומקור, איין קוואל, פון וועלכען זיי שעפען אלע זייער יניקה — אדער

---

*) ניי־געבארען איז דיא קראפט, פערשטעהט זיך, נאר לויט איהר פארם, אבער ניט לויט איהר עצם, ד. ה. זיא איז ניי אלס עלעקטריציטעט, אבער ניט אלס קראפט בכלל, ווארום באמת איז זיא מעהר נישט ווי א 2טער גלגל פון דער מעכאנישער קראפט וועלכע דער וואסער־פאל האט אין זיך פארטיג פון דער נאטור. פון דאס ניי, באמת קען בכלל קיין שום קראפט ניט בעשאפען ווערען.

*) וואס פאר א נ'ארט בעוועגונג עס קומט פאר ביי מעכאנישער־ארבייט (אדער מעכאנישע־ענערגיע) און ביי ווארימקייט (אדער ווארמע־ענערגיע) האבען מיר שוין בעשריעבען אין אונזערע ארטיקלען „די כוחות פון דער נאטור“, די אנדערע בעוועגונגען ביי די אנדערע ענערגיען וועלען מיר ווייטער בעשרייבען.

**) זעה „דיא כחות פון דער נאטור.“

אויף פּשוט געשמועסט — זיי מוזען ערגעץ וואו האָבען אַ סבה, אַן אורזאַכע, וואָס רופט אַרויס דיא אָדער יענע פּעולה (ווירקונג).

יעדע פּעולה מוז האָבען איהר סבה, יעדע ווירקונג — איהר אורזאַכע. דאָס איז אַ כלל־גדול, אַ גרונד־געזעץ, אַ פונדאַמענטשטיין אין דער פילאָזאָפיע, אין דער נאַטור פילאָזאָפיע און אין דער וויסענשאַפט בכלל.

יעדע פּאַסירונג, יעדע ערשיינונג, וויא אין געזעלשאַפטליכען לעבען, אַזוי אויך אין דער נאַטור, מוז מען האָבען וועלכע עס איז סבה, אַ בעשטימטע אורזאַכע. יעדע ערשיינונג, וועלכע עס קומט פאָר אלס א פּעולה פון אַ פריהערדיגע סבה קען זיין — און איז טאַקע דאָס רוב — ווידער אַ סבה פון אַ שפּעטערדיגער ערשיינונג, איינעס קומט אַרויס פון דעם צווייטען, דאָס צווייטע פון דעם דריטען, דאָס דריטע פון דעם פיערטען און אַזוי ווייטער און ווייטער ציהט זיך דיא קייט פאָראויס און צוריק אָהן אַ סוף, און אָהן אַ אָנהויב...

אָבער ביז דער סטאַנציע, וועלכע איז פאַר אונז מענשען דיא „לעצטע סבה“ מוזען מיר געהען. און צו אָט דער „לעצטער סבה“ פון קראַפט אויף דער ערד וויל איך איצט צוזאַמען מיט דעם לעזער אריבערשפּאַצירען און אויפזוכען דעם לעצטען רינג פון דער קראַפט־קייט, צו וועלכען מיר קענען דערגעהען, כאָטש אין אמת'ן איז אויך דער לעצטער רינג אָנגעהאַנגען אַן נאָך אַ סך אנדערע רינגען, פון וועלכע מיר ווייסען לײדער לגמרי גאָר נישט.

דער מקור פון קראַפט אי[illegible] — אין אַרום אונזער ערד (ניט אָבער פון דער וועלט בכלל. דאָס ווייסען מיר ניט און דאָס געהערט ניט צו אונזער אויפגאַבע) איז דיא זונן!

דיא זונן, אָט דער מורא'דיגער גרויסער*) קערפּער; איז דאָס דער מקור, דער אוצר פון כל המינים קרעפטען, אָדער ענערגיען, וועלכע עס קומען פאָר אין דער גאַנצער ערד־ממשלה.

דיא זונן, „דיא קעניגין פון הימעל“ (מלכת־השמים), וויא דיא ביבעל רופט זיא, איז בעצם אַזאַ פּשוט'ער שטערן, וויא דיא אַלע אַנדערע מיליאָנען ליכטיגע שטערן אין הימעל און אין דער הימעל־וועלט איז זיא אויף איין האָר נישט מעהר מיוחס איידער אַלע אַנדערע „שטעהענדע־שטערן“. אדרבא! עס געפינען זיך גאָר אַזוינע שטערן, וואָס זיינען בעצם נאָך גרעסער און ליכטיגער איידער אונזער „קעניגין“ — פון דעסטוועגען האָט דיא זונן פאר אונז מענשען, איינוואָהנער פון כדור־הארץ, כשר פערדיענט דעם בכבוד'יגען נאָמען „קעניגין“, און טאַקע „מלכת השמים“ — הימעלשע קעניגין — און ניט „מלכת הארץ — ערד קעניגין — וויא עס וואָלט אין פלוג גלייכער געווען זיא אָנצורופען.

דיא קעניגען און קעניגינען פון דער ערד זיינען אַלע אָהן אַ יוצא מן הכלל, וויא בעקאַנט, נעהמער און ניט קיין געבער; אונזער „הימעלשע קעניגין“ אָבער גיט אונז כסדר און מיט אַ פולער האַנד איהרע גאָלדענע ליכטיגע שטראַהלען צוזאַמען מיט וואַרעמע־שטראַהלען, וועלכע ווערען אויף אונזער ערד, אויף זעהר און זעהר פערשיעדענע אופנים, מגולגל אין אַלע אַנדערע פאָרמען פון ענערגיע: אין כעמישע, עלעקטרישע־מאָטאָרען, וואסער־און־ווינד־מיהלען דאָס ווערט אַלץ געדרעהט און געאַרבייט בלויז דורך דיא שטראַהלען פון דער זונן; דיא שטראָמען פון דיא טייכען, דיא רעגען פון דיא וואָלקענס, דיא וואסערפאַללען פון דיא הויכע בערג, דער האָגעל, שנעע און טוי — דאָס ווערט אַלץ געטריבען און געוואָרפען נור דורך דיא זונן־שטראַהלען; אַפילו דיא גרינע בוימער און גראָזען, דיא רייצענדע בלומען וויא אויך אַלע לעבעדיגע ברואים פון דעם קלענסטען ווערימעל ביז דעם העלפאַנט און אויך מיר מיוחסים, מענשען — אַלע, אַלע שפּראָצען, וואַקסען און בעוועגען זיך בלויז מיט דער הילף פון דיא זונן־שטראַהלען! קורץ געזאָגט, דיא זונן גיט אונזער ערד ענערגיע, זיא גיט אונז קראַפט, זיא גיט אונז בעוועגונג, זיא גיט אונז לעבען!

אָהן דער זונן וואָלט אַלעס גערוהט, וואָלט זיך גאָר ניט בעוועגט, און דאריבער וואָלט קיין זאַך קיין חיות ניט געהאַט.

אָהן דער זונן וואָלט ביי אונז אויף דער ערד אַ טויטע וועלט געוועזען! אויפן ערשטען בליק, קלינגט דיא גאַנצע מעשה מגוזמ'דיג, אַביסעל מעשה־נסים־דיג, נור וויא דער לעזער וועט זיך שפּעטער אליין איבערצייגען, איז דאָס אַלץ „דברים כהויתם“, רעעלע, אמת־וויסענשאַפטליכע פאַקטען.

*) די זוהן איז אזוי גרויס וויא א מילליאָן מיט צוויי הונדערט און פונפציג טויזענד ערד'ן צוזאמען. א השגה פון איהר גרויס קאָנען מיר זיך [illegible] מעגליך געווען ארום צופאָהרען דעם היקף פון דער זוהן מיט א'ן אייזענבאהן־צוג, וואָס לויפט פונפציג קילאָמעטער א שעה (א קילאָמעטער איז א וויארכט בערך) וואָלטען אויף דער נסיעה געדארפט האָבען א צעהנדליג יאָהר, פאָהרענדיג טאָג און נאכט אָהן א'ן אבשטעל. דיא זון ווייזט אונז אויס אזוי קליין, ווייל זיא איז פון אונזער ערד אזא מרחק רב, אז דעם מענשען איז זיך דאָס כמעט אונמעגליך פאָרצושטעלען אין צאָהלען און ציפערן פון קילאָמעטער. מיט דעם אויבענדערמאָהנטען צוג וואָלטען מיר געקומען פון דער ערד צו דער זוהן אין א משך פון 340 יאָהר כמעט ! ! פערגלייך : „אויף יענער זייט פון דער זוהן“ פון דר. ווילהעלם מאיר „צוקונפט“ פעברואר 1906.

דיא אלטע און דיא נייע אינטערנאציאנאלע.

פון פראָפ. ווערנער זאמבארט.

2.

דיא נייע אינטערנאַציאָנאַלע.

נאַטירליך, די פאָרמע, אין וועלכע ענגעלס האָט געזעהען דיא „אינטערנאַציאָנאַלע" ווידער אויפלעבענדיג: דער מאַי-יום-טוב האָט וויא עס שיינט ניט געהאַט קיין גרויסען קיום. דער ערשטער מאַי-יום-טוב בעגעגענט איבעראַל גרויסע שוועריגקייטען.

אָבער דיא אינטערנאַציאָנאַליטעט פון דער סאָציאַלער בעוועגונג האָט אונטערדעסען געפונען דיא פאָרמע פון טהעטיגקייט, וועלכע זיינען דורך-און-דורך מאָדערן און זיינען ווייט פון יעדען אוטאָפּיזמוס, דאָס זיינען פון איין זייט דיא אינטערנאַציאָנאַליסטישע קאָנגרעסען און דיא אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ און פון דער אַנדערער זייט דיא אינטערנאַציאָנאַלע געווערקשאַפטס-און גענאָסענשאַפטס קאָנגרעסען.

דיא ערסטע האָבען גענומען זייער אָנפאַנג פון דעם אַרבייטער קאָנגרעס, וואָס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין פּאַריז אין 1889, נאָך וועלכען עס זיינען געקומען דיא אַנדערע קאָנגרעסען אין ברִיסעל (1892), אין ציריך (1893), אין לאָנדאָן (1896), אין פּאַריז (1900) און אין אַמסטערדאַם (1904).

דיא „נייע" אינטערנאַציאָנאַלע, וויא מען האָט ניט זעהר גליקליך אָנגערופען יענע מאָדערנע אידעען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון די פּראָלעטאַריער, איז גייסטיג פערבונדען מיט דיא „אַלטע" אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָציאַציאָן. „זיא איז ניט טויטט", האָט ליעבקנעכט געקענט זאָגען ווען איהר אויפ'ן פּאַריזער קאָנגרעס פון 1889, „זיא האָט זיך אריבערגעטראָגען אין דיא מעכטיגע אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען און אַרבייטער בעוועגונגען פון דיא איינצעלנע לענדער, זיא לעבט אין אונז ווייטער און דיזער פּאַריזער קאָנגרעס איז דאָס קינד פון דיא אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָציאַציאָן."

„זיא לעבט אין אונז ווייטער", דערמיט האָט מען געקענט אין אמת'ן אויסדריקען דיא מאַכט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בעוועגונג. עס זיינען געווען אין גרעסטען טהייל דיזעלבע מענער וועלכע האָבען געשפּיעלט די הויפּט ראָלע אין דער אַלטער אַרבייטער אַסאָציאַציאָן און וועלכע האָבען מיט דער גאַנצער געוואַלטיגער אויטאָריטעט פון זייער היסטאָרישע פערזענליכקייט אריינגעפיהרט דעם יונגען דור אין דער בעוועגונג. דאָ זיינען געווען ליעבקנעכט, דע-פּעפּ אין פּאַריז, קאַרל מאַרקס, הערמאַן גרייליך אין ציריך און אַנדערע וועטעראַנען, וועלכע האָבען פערקערפּערט אין זיך דיא איינִיגקייט פון דער אַלטער און דער נייער בעוועגונג.

און דאָך: וואָס פאַר-אַ געוואַלטיגע ענדערונג איז פאָרגעקומען זייט דאַמאָלס, אין דיא קורצע צייט פון קאַרגע צוויי צעהנדליג יאָהר! דען איין בליק אויף דיא אינטערנאַציאָנאַלע פערהעלטניסע פון דיא פּראָלעטאַריער פון היינטיגער צייט בעווייזט דעם געוואַלטיגען אונטערשיעד צווישען דיא נייע און דיא אַלטע אינטערנאַציאָנאַליסטען.

דיא אַלע אינטערנאַציאָנאַליסטען האָבען, וויא מיר האָבען שוין געזעהען, געוואָלט דיא אידעע פון אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט

שיינקען אַזוי צו זאָגען פון אויבען. זיא האָט געוואָלט אַז דיא אינטערנאַציאָנאַלע פעראייניגונג זאָל אויסוואַקסען אין אַ נאַציאָנאַלע בעוועגונג.

איצט אָבער זיינען זיי שוין געוועזען. דיא נאַציאָנאַלע בעוועגונגען זיינען געוועזען פאָלשטענדיג אויסגעוואַקסען און פון זיי איז אַרויס דער געדאַנקען פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער פערברידערונג. דיא אַלטע אַרבייטער אַסאָציאַציאָן איז געוועזען אַ בלום, אָבגעשניטען פון איהר וואָרצעל, און האָט געמוזט פערוועלקען; דיא נייע אינטערנאַציאָנאַלע איז אַ בליהענדער צווייג פון אַ מעכטיגען בוים מיט טיעפע וואָרצלען. קאַרל מאַרקס וועק־רוף איז יעצט אויסגעפיהרט געוואָרען אין צוויי מדרגות. „פּראָלעטאַריער פעראייניגט אייך אין אַללע לענדער“. נאָך דעם וועט מען קענען אויספיהרען: „אַז איהר, פּראָלעטאַריער, איהר, וועלכע זיינען פעראייניגט אין דיא איינצעלנע לענדער, פעראייניגט אייך איצט צו געמיינזאַמע אַרבייט“. וואָס מיר האָבען איצט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציאָן פון דיא פּראָלעטאַריער איז אין אמת'ן נור דיא פעראייניגונג, דיא פערבינדונג פון דיא פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציאָנען אין דיא איינצעלנע לענדער פון געווערקשאַפטליכען אָדער גענאָסענשאַפטליכען כאַראַקטער.

און דאָס ווערט גערעדט וועגען אַלע אָרגאַניזאַציאָנען פון דער אַרבייטער־קלאַס, וועניגסטענס פון דיא סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און אויך פון די געווערקשאַפטען; עס זיינען היינט ניט פערטרעטען אויף דיא אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער קאָנגרעסען נור אַזעלכע אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען פון איינצעלנע לענדער, וואָס האָבען זיך געגרינדעט אויף אַ רעליגיעזען פונדאַמענט און אַ פּאָאַר פון דיא אַלטע ענגלישע טרייד־יוניאָנס. דיא גרויסע מאַסע פון דיא מעכטיגסטע אָרגאַניזאַציאָנען פון דיא פּראָלעטאַריער שליעסט זיך היינט אָן צו דיא דעלעגאַטען פון דיא סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטייען; אַזוי אויך דיא פעדערײשאָן פון דיא טרייד יוניאָנס און לייבאָר רעפּרעזענטיישאָן קאָמיטע (איצט אַרבייטער פּאַרטיי) זיינען אָפיציעל פערטרעטען אויף דיא אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען.

און דער שטח, וואָס דיא „אינטערנאַציאָנאַלע“ פערנעהמט היינט איז פיעל גרעסער וויא פריהער. אין באַזעל, צום ביישפּיעל, אין יאָהר 1869 זיינען געוועזען נור 9 „נאַציאָנען“ פערטרעטען ביים קאָנגרעס דורך דעלעגאַטען. אין אַמסטערדאַם, אין 1904 האָבען אָבער 24 נאַציאָנען שוין געשיקט דעלעגאַטען, און וויל יעדע נאַציאָן שיקט אימער מעהר דעלעגאַטען איז דיא צאָהל פון דיא קאָנגרעס מיטגליעדער שטאַרק געוואַכסען. וועהרענד אויף דיא קאָנגרעסען פון „דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציאָן“ זיינען אימער געוועזען וועניגער פון 100 דעלעגאַטען (אין גענף 60, אין בריסעל 96, אין באַזעל 80), האָט בעטראָפען דיא צאָהל פון דיא אָפיציעלע פערטרעטער אין פּאַריז (1889) 407, אין בריסעל (1891) 374, אין ציריך (1893) 449, אין לאָנדאָן (1896) 748 (פון זיי 475 ענגלענדער), אין פּאַריז (1900) 788 (דערפון 473 פראַנצויזען), אין אַמסטערדאַם (1904) 476.

און אַזוי וויא מיט איהר אויסערליכער געשטאַלט, אַזוי אויך מיט איהר גייסט, איז דיא „נייע אינטערנאַציאָנאַלע“ דורכאויס פערשיעדען פון דער אַלטער. צוערסט דערמיט וואָס די נייע אינטערנאַציאָנאַלע איז גאָר ניט קיין „אינטערנאַציאָנאַלע“, וויא דיא אַלטע אַרבייטער אַסאָציאַציאָן האָט עס פערשטאַנען. איך וויל זאָגען: דער אַלטער פערבאַנד איז געוועזען אַ זעלבסטשטענדיגער אינטערנאַציאָנאַלער פעראיין, וועמעס מיטגליעדער, דיא איינצעלנע אַרבייטער אָדער אָרגאַניזאַציאָנען, האָבען זיך געבילדעט אין פערשיעדענע לענדער. איצט איז אָבער דיא אָרגאַניזאַציאָן פון דיא אַרבייטער אַ נאַציאָנאַלע: דער איינצעלנער אַרבייטער קען נור זיין אַ מיטגליעד פון דיא נאַציאָנאַלע פעראיינען און דיעזע פעראיינען מוזען זיך צוזאַמענבינדען אין נאַציאָנאַלע פעדעראַציאָנען. ערסט דיעזע קערפּערשאַפטען, בעגרינדעט אויף אַ נאַציאָנאַלען באַזיס, שיקען זייערע פערטרעטער אויף דיא אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען. אַז דיעזע קאָנגרעסען אַליין האָבען אין גאַנצען געענדערט זייער כאַראַקטער איז לייכט צו פערשטעהן, דען שוין דער גרעסערער קרייז אַליין, דיא מעהרערע צאָהל דעלעגאַטען האָבען געמוזט געבען אַ נייע געשטאַלט. אָבער ניט אין כמות, זאָנדערן אויך אין איכות, אין דעם אינהאַלט פון דיא פערהאַנדלונגען זיינען זיי גאַנץ פערשיעדען. דיא קאָנגרעסען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציאָן האָבען אויסגעזעהען וויא קלובס צום דיסקוטירען, דאָרטען האָט מען נור דיא טהעאָרעטישע פּרינציפּ־פראַגען דעבאַטירט מיט גרויס התלהבות און מיט וועניג שכל, אַזוי וויא צום ביישפּיעל דיא פראַגע, אויב עס איז „גערעכט“ „אָבצושאַפען“ דאָס פּריוואַט אייגענטהום פון לאַנד, אָדער דאָס רעכט פון ירושה אין גאַנצען (מאַרקס און ענגעלס האָבען געמוזט שווידערן ווען זיי האָבען נאָכדעם געלעזען דיא בעריכטען.) אויף דיא

נייע קאנגרעסען איז דא נור נאך איין פראגע, אויב דיא סאציאליסטען זאלען זיך בעטהייליגען אין „פאליטישע טהעטיגקייט". אבער אויך דיעזע דעבאטע איז ארויפגעווארפען געווארען אויף דיא מאיאריטעט פון קאנגרעס דורך א קליינע אנארכיסטישע מינאריטעט און האט זיך געענדיגט דערמיט, וואס מען האט דיא געגנער פון דער „פאליטישער טהעטיגקייט" ארויסגעווארפען. אויסער דעם איז אבער מעהר ניטא קיין פרינציפען צו דיסקוטירען,, ווייל דיא פרינציפען זיינען פעסט בעשטימט. מיר וועלען נאך ערקלעהרען שפעטער אין וועלכען זין איז שוין אלין אבגעשטימט. דיא הויפט ארבייט איז איצט נור צו פערהאנדלען דיא טאקטישע פראגען. דיא קאנגרעסען פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער אסאציאציאן האבען געזוכט דעם פונדאמענט אויפצובויען דיא סאציאליסטישע בעוועגונג, נאך דעם פלאן וואס איז שוין לאנג געגעבען געווארען פון דעם מאן אין לאנדאן. (פון מארקס'ען.) איצט איז דיא געביידע צוזאמענגעשטעלט נאך דיעזען פלאן און דיא איינציגע ארבייט. פון דיא נאציאנאלע קאנגרעסען איז נור איהם אויפצובויען.

זייט דעם פאריזער קאנגרעס (1900) האבען דיא פערשיעדענע לענדער געזוכט ענגער צו פערקניפען דעם באנד פון דיא אינטערנאציאנאלע בעציהונגען דורך דער גרינדונג פון א אינטערנאציאנאלען סאציאליסטישען ביורא אין בריסעל. דיא ביורא אדער סעקרעטאריאט ווערט געבילדעט פון איינס ביז דריי (דייטשלאנד) פערטרעטער פון דיא סאציאליסטישע פארטייען אין דיא איינצעלנע לענדער—(25)—און איהר אויפגאבע איז צו דיענען אלס פלאץ פאר אויסקינפטע, צו גרינדען א סאציאליסטישע ביבליאטהעק און סאציאליסטישען ארכיוו און צו פערעפענטליכען בראשורען איבער איינציגע וויכטיגע פראגען און איבער דיא לאגע פון דער סאציאליסטישער בעוועגונג אין דיא לענדער, וואס זיינען בעטהייליגט אין דיא קאנגרעסען. אויך צו געבען א געוויסע ריכטונג צו דיא פאליטיק פון דיא סאציאליסטישע פארטייען, און מעהר וויא אלין אבער פארצובערייטען דיא אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע קאנגרעסען, וואס פערזאמלען זיך אלע 3-4 יאהר. א בעריכט איבער איהר טהעטיגקייט האט דיא ביורא שוין אבגעגעבען אויף דעם אמסטערדאמער קאנגרעס און אין איינע פון איהרע שריפטען. זייט 1904 האט מען דער ביורא צוגעגעבען א קאמיסיאן פון סאציאליסטישע פארלאמענטס דעפוטאטען, וועלכע ווערט צוזאמענגעשטעלט און ווירקט אויף פאלגענדען אופן:

דיא פערטרעטער פון פערשיעדענע פארלאמענטארישע קערפערשאפטען פון דיא פערשיעדענע לענדער בילדען צווישען זיך א קאמיסיאן, פון וועלכער עס ווערט ערוועהלט א אינטערנאציאנאלער סעקרעטער. דיעזער סעקרעטער שטעהט אין פערבינדונג מיט דיא סעקרעטערע פון דיא איינצעלנע קערפערשאפטען, כדי צו וויסען אלעם וואס איז נויטהיג. דאס מיינט מען, וועט געבען מעגליכקייט דיא דעפוטאטען פון אלע פארלאמענטען זיך צוזאמענצורידען. יעדע לאנד דארף שיקען צוויי דעלעגאטען אין דעם אינטערנאציאנאלען פארלאמענטארישען קאמיטעט. דיא הויפט קווארטיער פון דעם אינטערנאציאנאלען פארלאמענטארישען סעקרעטער זאל פארלויפיג זיין האללאנד און דיא האללענדיישע דעלעגאטען זיינען בעאויפטראגט צו זוכען א פאסענדע פערזאן. דיא זיצונגען זאלען אבגעהאלטען ווערען אין דיא הויפט שטאדט פון דיא גרעסערע לענדער. אויף דיעזען אופן האפט דיא אינטערנאציאנאלע ביורא, וועט זיין מעגליך דורך צוזאמענווירקען אין דיא פערשיעדענע לאנדס־פארלאמענטען צו ברענגען גרויסע נוצען אין דיא אינטערעסען פון דעם אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט און דיא סאציאליסטישע פאדערונגען דורכצופיהרען.

דיא אינטערנאציאנאלע ארגאניזאציאן פון דיא סאציאליסטען געפינט א שטארקע שטיצע אין דיא אינטערנאציאנאלע ארגאניזאציאנען פון דיא געווערקשאפטען, וועלכע האלטען אויך אב זייערע קאנגרעסען און זיינען איין אייזערנע וואנד פאר דער סאציאלער בעוועגונג.

דער ערסטער פון דיעזע קאנגרעסען, אזוי ווייט וויא איך וויים, איז געוועזן דער מיינערס קאנגרעס אין דזשאלימאן אין יאהר 1890, דער צווייטער — דער אינטערנאציאנאלער וועבער ארביימער קאנגרעס אין מאנטשעסטער, אין יאהר 1894. דיא בעדייטונג פון דיעזע אינטערנאציאנאלע געווערקשאפטס קאנגרעסען ליעגט איבערהויפט אין דעם, וואס דיא ארבייטער זיינען ענג צוזאמענגעבונדען אהן אונטערשיעד פון פאליטישע פארטיי. דארט קומען זיך צוזאמען סאציאליסטען און ניט־סאציאליסטען.

דיא אינטערנאציאנאליטעט פון דיא געווערקשאפטס־בעוועגונג ווערט נאך יעצט שטארקער אויסגעדריקט אין דיא אינטערנאציאנאלע קאנפערענצען פון דיא געווערקשאפטס־סעקרעטערע וועלכע זיינען א מין קאנטראסט צו דיא פאליטיש־סאציאליסטישע קאנפערענצען פון דעם אינטערנאציאנאלען סעקרעטאריאט אין בריסעל. זיי האבען שטאטגעפונען זייט 1901. צוערסט יעדען יאהר און יעצט אלע צוויי יאהר. דא

זיינען פערטראָטען דיא סענטראַלע געווערקשאַפטס־אָרגאַניזאַציאָנען פון אַלע גרויסע לענדער. אויסצופיהרען דיא בעשטימטע אַרבייט איז ערוועלט אַ אינטערנאַציאָנאַלער סעקרעטער פון דיא געווערקשאַפטליכע צענטראַל־אָרגאַניזאַציאָנען פון דיא איינצעלנע לענדער. איצט פאַרנעהמט דיא שטעל דער דייטשער אַרבייטער־פיהרער לעגיען. דער סעקרעטער מוז האַלטען פערבונדען דיא צענטראַל אָרגאַניזאַציאָנען, איבערהויפט ווען איינצעלנע צענטראַלע פאָדערן שטיצע אין פאַל ווען עס ברעכען אויס גרויסע אַרבייטער סטרייקס. יעצט הויבען אויך אָן דיא געווערקשאַפטען פון איינצעלנע איינצופיהרען דיעזעלבע אָרדנונג. אַזוי איז אויף דעם 16־טען אינטערנאַציאָנאַלען מיינערס קאָנגרעס אין ליטיך (1905) בעשלאָסען געוואָרען צו גרינדען אַ אינטערנאַציאָנאַלען סעקרעטאַריאַט פון דיא מיינערס.

3.

דער אינטערנאַציאָנאַליזמוס.

דיא אינטערנאַציאָנאַליטעט איז דיא גרונד־אידעע, דער יסוד, אויף וועלכען עס איז בעגרינדעט דיא מאָדערנע סאָציאַליסטישע בעוועגונג. זיא איז דער גוף, דער חומר אין וועלכע דער סאָציאַליזמוס דריקט זיך אויס, אָבער אויך דיא נשמה פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג איז „אינטערנאַציאָנאַל“. דיא אַרבייטער פון אַלע קולטור פעלקער אַזוי ווייט וויא זיי זיינען אַריינגעצויגען אין דעם שטראָם פון דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג, זיינען ערפילט מיט דעמזעלבען גייסט פון „אינטערנאַציאָנאַליזמוס“. דיא אַרבייטער פון אַלע קולטור נאַציאָנען, ניט נור דיא ענגלישע, פראַנצויזישע אָדער דייטשע, זאָנדערן אויך אַלע איבעריגע.

אָבער וואָס איז דיעזער גייסט פון אינטערנאַציאָנאַליזמוס? דאָס איז דיא פראַגע אויף וועלכע איך וויל יעצט ענטפערן.

קודם כל דריקט זיך אין איהם אויס דיא איבערצייגונג אַז אַלע אַרבייטער האָבען גלייכע אינטערעסען. אַזוי, צום ביישפּיעל, האָט פּעטע קאַררען בעגריסט דיא מיטגליעדער פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען געווערקשאַפטס קאָנגרעס אין נאָמען פון דעם ענגלישען געווערקשאַפטס בונד, מיט פאָלגענדע ווערטער: „מיר רעפּרעזענטירען דעם אינטערנאַציאָנאַליזמוס פון אינדוסטריעלען שטאַנדפּונקט און, איבעראַל וואו מיר קומען זיך צוזאַמען, מוזען מיר בעקאַנט מאַכען דאָס אין אַלע לענדער, אין מאָנאַרכיען אָדער רעפּובליקען, אַזוי לאַנג וויא עס האַנדעלט זיך וועגען דעם עקאָנאָמישען קאַמפּף פון דיא אַרבייטער, הערשען איבעראַל דיא זעלבע פערהעלטניסע... און דאַריבער דאַרף מען ניט זיין צושפּאַלטען ניט דורך דער שפּראַך, ניט דורך דיא פּאָליטישע מיינונגס פערשיעדענהייט און ניט דורך דעם אונטערשיעד פון דיא לעבענס געוואָהנהייטען אין דיא איינצעלנע לענדער, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דיא אינטערעסען פון דיא אַרבייטער פון דיא פערשיעדענע נאַציאָנען“. דאָס הייסט: ווייל אומעטום אין דיא מאָדערנע לענדער הערשט דער קאַפּיטאַליזמוס, ווייל צוליעב דעם איז דער פּראָלעטאַריאַט אומעטום אריינגעטראָטען אין אַ רעוואָלוציאָנס בעוועגונג, און זיי געפינען זיך אין איין לאַגע, דאַרום זוכט מען זיך געגענזייטיג צו העלפען אין דעם אַלגעמיינעם קאַמפּף, דורכדעם וואָס מען גיט איבער איינער דעם אַנדערן דיא געמאַכטע ערפאַהרונגען, דורכדעם וואָס מען זוכט אויס צו ווירקען ביי דיא פערשיעדענע רעגירונגען גלייכע פאָדערונגען, דורכדעם וואָס אין גרויסע סטרייקס העלפט מען דיא סטרייקער אין אַ פרעמדען לאַנד מיט געלד אונטערשטיצונגען און ז. וו.

דיעזער זאָרט אינטערנאַציאָנאַליזמוס האָט דיא פּראָלעטאַרישע בעוועגונג געמאַכט עהנליך צו פיעלע אַנדערע שטרעבונגען: אָנהויבענדיג פון דיא טויזענדער וויסענשאַפטליכע קאָנגרעסען און ענדיגען מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלען אַרבייטס סעקרעטאַריאַט אין באַזעל און דעם אינטערנאַציאָנאַלען לאַנד ווירטהשאַפטס אינסטיטוט אין רוים.

אָבער דער אינטערנאַציאָנאַליזמוס פון דער אַרבייטער בעוועגונג האָט אין זיך נאָך אַ בעזונדערען כאַראַקטער, ער איז פאַר דיא סאָציאַליסטען ניט נור אַ זאַך, וואָס געהט פון קאָפּ, זאָנדערן וואָס געהט נאָך מעהר פון האַרצען. מען קען זיך בעגייסטערן פאַר איהם, ווייל מען זעהט אין איהם דיא אידעע פון אַלגעמיינע מענשהייט־פערברידערונג. איבער דעם צוזאַמענקומען פון דיא סאָציאַליסטען אויף זייערע קאָנגרעסען קען מען אויסרופען מיט בעגייסטערונג: „זייט אומגעאַרעמט, איהר מיליאָנען!“ דער אָפּיציעלער פראַנצויזישער פּראָטאָקאָל פון דעם אַמסטערדאַמער קאָנגרעס, בעמערקט צו לעצט דיא ווערטער: „איין איינדרוק פון גרויסקייט און קראַפט, וואָס איז אונמעגליך איבערצוגעבען, מאַכט דיעזע ערעפנונגס זיצונג, אויף וועלכע אויסער דעם האָללענדישען פּרעזידענט וואַן קאָל, האָבען נור דיא פערטרעטער פון רוסלאַנד און יאַפּאַן בעוויזען צו קריעגען דאָס וואָרט. „בעגייסטערונג“, „ענטהוזיאַזמוס“ קלינגען דורך אַלע רעדען אויף דיעזע אמת׳ע פערברידערונגס קאָנגרעסען און

ענדיגען זיך מיט דעם אלגעמיינעם געזאנג. דאס ליעבלינגס ליעד איז דיא פראנצויזישע „אינטערנאציאנאלע“ מיט דעם לעצטען פערז:

דאס איז דער לעצטער קאמפף.
זאלען מיר געהן אלע און מארגען
דיא אינטערנאציאנאלע
וועט זיין דער מענשליכער מין.

אין דיעזען אלגעמיינעם געזאנג ליעגט א טיעפער געדאנקען: ער דריקט אויס אז דיא הערצער זיינען ענג פערבונדען, ווען דיא קעפ מעגען אפילו אמאל זיין פערשיעדען. דיא בורזשואזיע זינגט אין נאציאנאלע ראמקעס, ביי „פאטריאטישע ימים טובים. דאס פראלעטאריאט זינגט אבער ביי אינטערנאציאנאלע פערזאמלונגען.

מען דארף אבער געדענקען, אז דיעזער געדאנק איז ניט א שילער׳ס „ליעד אן די פרייד“, וועלכע קלינגט אוים:

ניין, אונזער געזאנג איז א קאמפף־געזאנג פולל מיט צארן און ראכע! געגען וועמען איז אבער דער צארן געגען דיא רעגירונגען, וויא זיי האבען זיך אויסגעבילדעט, און געגען זייערע אונגערעכטיגקייטען. דאס הייסט: דער פראלעטארישער אינטערנאציאנאליזמוס איז אין דער זעלבער צייט אין א געוויסען זין געגען נאציאנאליזמוס און דערמיט אונטערשיידעט ער זיך שארף פון בורזשואזנעם אינטערנאציאנאליזמוס.

איבערזעצט פון א. מ. ר.

קורצע געדאנקען.

פון א. דיומא דעם אינגערן.

מיר טאדלען ביי אנדערע דיא פעהלערן, פון וועלכע מיר האבען קיין נוצען ניט.

עס איז אפטמאהל זעהר אונאנגענעהם צו טהאן זיין פפליכט. עס איז אבער קיין מאהל ניט אזוי אונאנגענעהם וויא צו פיהלען, אז מען האט דיא פפליכט ניט ערפילט.

ראשקופאלד זאגט: „מיר האבען אלע קראפט גענוג אריבערצוטראגען פרעמדע אונגליקען,“ ער וואלט נאך געדארפט פערענדיגען: „מיר האבען אבער אפט ניט אזוי פיעל קראפט אריבערצוטראגען זייער גליק.“

דיא ערפאהרונג און דיא פילאזאפיע, וועלכע פיהרען ניט צו בארמהערציגקייט און מיטלייד, זיינען ניט ווערטה, וואס זיי קאסטען.

צו שיינקען פריינדשאפט צו א מאן איז נויטיג צייט. צו שיינקען פריינדשאפט א פרוי איז נויטיג נור א געלעגענהייט.

דיא קייטען פון חתונה זיינען אזוי שווער אז מען מוז האבען צוויי מענשען זיי צו טראגען. אפט מאהל זאגאר דריי.

ווען דיא מענשען וואלטען פערברויכט פאר דעם אנדערנס נוצען נור א פיערטעל פון דעם, וואס זיי פערשווענדען פארן אייגענעם שאדען, דאן וואלט אונגליק פארשוואונדען פון דער וועלט.

מיין מיינונג וועגען דעם מאראלישען אונטערשיעד צווישען מאן און פרוי: דער מאן איז מעהר. דיא פרוי זעהט אוים מעהר.

עס טרעפט אז איך בין זיך מיאש. דאס טרעפט דאן, ווען איך זעה אז פאר דעם זשעניע איז דא א גרענעץ, פאר דיא נארישייקייט אבער זיינען קיינע גרענעצען ניטא.

זיין גוט צו אלע מענשען איז גרינגער און קאסט ביליגער, וויא זיין גוט צו א געוויסע פערזאן.

דיסקוטיר ניט, ווארום דו וועסט קיינעם ניט איבעררייידען. מיינונגען זיינען גלייך צו צוועקעס: וואס מעהר מען קלאפט אין זיי, אלץ טיעפער זיצען זיי.

ווער עס פערשטעהט ניט וויא צו לערנען פון זיין אייגענעם אונגליק, דער האט איהם כשר פערדיענט.

פאר וואס זיינען כמעט אלע קליינע קינדער אזוי קלוג, און דיא מייסטען ערוואקסענע מענשען זיינען אזוי נאריש? דיא נארישקייט מוז מן הסתם דאך זיין דיא פרוכט פון ערציהונג.

א סך מענשען האבען אויף קיין זאך ניט אזוי פיעל חרטה, וויא אויף דאס ביסעלע גוטעס, וואס זיי האבען געטהאן.

די ענגלישע ארבייטער בעוועגונג

אין די לעצטע 25 יאהר.

אין דער ארבייט, צו ערוועקען דאס פאליטישע בעוואוסטזיין ביי די ענגלישע ארבייטער, האט אויך א גרויסען אנטהייל גענומען די „אינדעפענדענט לייבאר פארטיי“ (אונאבהענגיגע ארבייטער פארטיי). דיעזע פארטיי האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1893 אונטער דער ווירקונג פון קיר הארדי, ראבערט בלאטשפארד 1) און אנדערע. דער צוועק פון דיזעה פארטיי איז אין אנפאנג געוועזן צו בילדען די ארבייטער אין אן אונאבהענגיגער פאליטישער ארגאניזאציאן, וואס זאל זוכען צו זיין פארטרעטען אין פארלאמענט דורך אייגענע דעפוטאטען, וועלכע זאלען אויסווירקען גינסטיגע, געזעצע פאר די ארבייטער קלאס. ווען זיא האט אבער אנגעפאנגען איהר טהעטיגקייט, האט זיא איהר אויפגאבע געמאכט ברייטער און האט צוגעגעבען צו איהר פראגראם אן אמענדמענט, וועלכער ערקלעהרט, אז די פארטיי שטרעבט צו פערוואנדלען דאס פריוואט־אייגענטהום אין קהל׳שע אייגענטהום און זיא איז געווארען א׳ן אויסגעשפראכענע סאציאליסטישע קערפערשאפט.

די „אינ. ל. פ.“ האט געפונען, מעהר אדער ווייניגער, א גינסטיגען באדען פאר איהר טהעטיגקייט און זי איז זעהר גיך און שטארק געוואקסען. ביי די אלגעמיינע וואהלען פון יאהר 1895 האט איהר שוין געלונגען, כאטש זיא איז נאך געוועזן אזוי יונג, — ארויסצושטעלען איבער דרייסיג קאנדידאטען, וועלכע האבען בעקומען א סך הכל פון 44,321 שטימען. די ס. ד. פ. האט ביי יענע וואהלען אויך ארויסגעשטעלט קאנדידאטען, זיי זיינען אבער געוועזן זעהר וועניגע אין צאהל — ניט מעהר וויא פיער, און זיי האבען בעקומען 3,730 שטימען. קיין איינציגער פון די ארויסגעשטעלטע קאנדידאטען, סאי פון די אינ. ל. פ., סאי פון די ס. ד. פ. איז ניט אויסגעוועהלט געווארען. זיי זיינען אלע דורכגעפאלען. אבער די אגיטאציאן וואס איז אין דער צייט פון דעם וואהל־קאמפף אנגעפיהרט געווארען, איז ניט פערלוירען געגאנגען. זיא האט פארשפרייט זאמען, וועלכע האבען מיט דער צייט ארויסגעוואקסען, און ווערליג עס צייגט זיך, האט מען פון זיי גוטע פרוכטען צו קלייבען...

די טרייד־יוניאנס, וועלכע האבען זיך אין די נייינציגער יאהרען מעכטיג ענטוויקעלט, ציילענדיג באלד צוויי מיליאן מיטגלידער 2) האבען זיך אין אנפאנג געצייגט געגנעריש צו דער אינ. ל. פ., גראדע וויא צו דער ס. ד. פ. דער פערשימעלטער גייסט פון דעם אלטען טרייד־יוניאניזמוס איז נאך ניט אין גאנצען פערשוואונדען, זאגאר היינט צו טאג. איבערהויפט דאמאלס, מיט צעהן יאהר צוריק, איז ער נאך געוועזן שטארק גענוג צו האלטען אונטער זיין איינפלוס דיעזע ארבייטער ארגאניזאציאנען און זיי האבען פון א זעלבסטשטענדיגער, אונאבהענגיגער פאליטיק ניט געוואלט הערען און ניט וויסען. מיט דער צייט זיינען זיי אבער צום שכל געקומען. דערצו האט אהן א שום ספק געהאלפען ניט נאר די אגיטאציע פון די סאציאליסטישע פארטייען ס. ד. פ. און אינ. ל. פ., זאנדערן אויך די אלגעמיינע בעדינגונגען און ענטוויקלונג.

פון יאהר 1893 און ווייטער האבען די עקאנאמישע קעמפפע פון די ענגלישע ארבייטער זיך ניט אזוי גוט איינגעגעבען, 3) וויא די סטאטיסטיק האט אונז געוויעזען, כאטש זיי זיינען געוועזן גוט ארגאניזירט. דער סטרייק פון די קוילען־מיינער פון 1893, וועלכער האט אומפאסט 300,000 ארבייטער און וועלכער ווערט גערעכענט פאר דעם גרעסטען סטרייק, וואס די קוילען־מיינערס האבען אין ענגלאנד אנגעפיהרט, האט זיך שוין ניט געענדיגט מיט דעם זעלבען ערפאלג, וויא דער דאקער־סטרייק. א׳ן אנדערער גרויסער סטרייק, וואס איז געבליבען אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער־בעוועגונג, דער סטרייק פון די אינזשינירס, 1897-1898, איז גאר פערלוירען געגאנגען. און די מייסטע סכסוכים וועלכע זיינען סאי וויא סאי געווארען ווייניגער אין צאהל, האבען זיך

---

1) דער רעדאקטאר פון דער פערשפרייטעסטער סאציאליסטישער צייטונג אין ענגלאנד, די קלאריאן.

2) יעצט צעהלען זיי נאך מעהר, לערך צוויי און א פערטעל מיליאן.

3) זעה „צוקונפט“, אפריל, זייטע 18.

געענדיגט מעהר צו גונסטען פון די בעלי־הבתים, איידער פון דיא ארבייטער. דאס אלעס איז ניט געבליעבען אהן א ווירקונג אויף דיא מחות פון דיא ארבייטער. פארקעהרט, עס האט ביי פיעלע אויפגעטרייסעלט דאס בעוואוסטזיין און זיי האבען אנגעפאנגען בעגרייפען דאס, א חוץ דיא עקאנאמישע קעמפפע, א חוץ דיא סטרייקס, איז נאך פאראן א מיטעל צו פארבעסערען דיא לאגע פון דיא ארבייטער — דער פאליטישער קאמפף, און זיי האבען אנגעפאנגען זוכען דיא מעגליכקייט דיעזען קאמפף־מיטעל צו בענוצען.

אין יאהר 1899, אויף דעם טרייד־יוניאן קאנגרעס, וואס האט שטאטגעפונען אין פלימוטה, איז פארגעשלאגען און דורכגעפיהרט געווארען א רעזאלוציאן, איינצורופען א קאנפערענץ פון דיא טרייד־יוניאנס, קאאפעראטיווע פעראיינען און סאציאליסטישע ארגאניזאציאנען, וועלכער זאל זיך באשעפטיגען מיט דער פראגע: וויא אזוי דיעזע קערפערשאפטען זאלען צוזאמען קענען ארבייטען, צו שאפען א זעלבסטשטענדיגע, אונאבהענגיגע פאליטישע באוועגונג פון דיא ארבייטער אין ענגלאנד?

דיא צוויי סאציאליסטישע פארטייען, דיא ס. ד. פ. און אינ. ל. פ. האבען איינינגע מאהל געמאכט פראבעס זיך צו פעראייניגען. נאר דיעזע פראבעס זיינען דורכגעפאלען. דיא ס. ד. פ. האט פערלאנגט א פאלשטענדיגע צוזאמענשמעלצונג פוןביידע פארטייען אין איין פארטיי; דיא אינ. ל. פ. איז געווען געגען דער צוזאמענשמעלצונג. זיא האט זיך נאר געוואלט פערבינדען מיט דער ס. ד. פ. אויף פעדעראטיווע יסודות. אויף דעם אויפרוף פון דעם טרייד־יוניאן קאנגרעס האבען זיי אבער ביידע געענטפערט מיט צושטימונג און צופריעדענהייט. דיא קאנפערענץ האט שטאטגעפונען דעם 27טען און 28טען פעברואר 1900 אין לאנדאן. עס זיינען געווען אנוועזענד 129 דעלעגאטען, פארשטעהער פון 568,177 ארבייטער ארגאניזירט אין דיא טרייד־יוניאנס, ס. ד. פ. און אינ. ל. פ. עס זיינען אויך געווען אנוועזענד פארטרעטער פון דער פעביען סאסייעטי. נאר דיא קאאפעראטיווע פעראיינען האבען קיין אנטהייל ניט גענומען.

אויף דיעזער קאנפערענץ זיינען פארגעשלאגען געווארען צוויי רעזאלוציאנען:

איינע האט ערקלעהרט, אז דיא ארבייטער דארפען זיין פארטרעטען אין פארלאמענט דירעקט דורך אזעלכע פערזאנען, וואס זיינען איז סימפאטהיע מיט דיא פאדערונגען און פערלאנגען פון דיא ארבייטער ארגאניזאציאנען, און וועלכע מוזען זיין ארויסגעשטעלט אלס קאנדידאטען פון דיעזע קערפערשאפטען. דורך דיעזער רעזאלוציאן איז אויך ערקלעהרט געווארען, אז דיא ארבייטער, וועלכע ווערען ארויסגעשטעלט אלס קאנדידאטען פון דער ליבעראלער אדער קאנסערוואטיווער פארטיי, קענען ניט בעטראכטעט ווערען אלס דירעקטע פארטרעטער פון דיא ארבייטער אינטערעסען.

דיא צווייטע רעזאלוציאן האט ערקלעהרט, דאס דיא דעפוטאטען, וועלכע וועלען געשיקט ווערען אין פארלאמענט פון דיא ארבייטער אליין, אויף דעם אופן ווי עס ווערט בעשטימט אין דער ערשטער רעזאלוציאן, מוזען בילדען א׳ן אונאבהענגיגע גרופע, וואס זאל זוכען אויסצווירקען גינסטיגע געזעצע פאר דיא ארבייטער.

ביידע רעזאלוציאנען זיינען געפאסט געווארען און מען האט אויסגעוועהלט א׳ן עקזעקוטיוו־קאמיטעט פון 12 פערזאנען: 7 פארטרעטער פון דיא טרייד־יוניאנס, 2 פון דער ס. ד. פ. 2 פון דער א. ל. פ. און 1 פון דער פעביען סאסייעטי, אז זיי זאלען דורכפיהרען דיא בעשליסע פון׳ם קאנפערענץ אין לעבען. דזש. ריימסיי מאקדאנאלד 4) איז אויסגעוועהלט געווארען אלס סעקרעטער און אזוי איז דיא „לייבאר רעפרעזענטיישאן קאמיטע“ (ארבייטער־פערטרעטונגס קאמיטעט) געגרינדעט געווארען.

אין יאהר 1899 האט זיך נאך געגרינדעט דיא „פעדערייישאן אף טרייד יוניאנס“ (דער בונד פון דיא פראפעסיאנעלע פעראיינען). דיעזע קערפערשאפט איז א צוזאמענבונד פון פיעלע ענגלישע טרייד־יוניאנס, מיט דעם צוועק, דאס זיי זאלען אונטערשטיטצען איינע דיא אנדערע אין דיא קעמפפע, וואס זיי האבען צו פיהרען געגען דיא בעלי־בתים. אין אלגעמיין שטרעבט אבער דיעזע פעדעראציאן אויסצוגלייכען דיא סכסוכים, וועלכע ענטשטעהען צווישען ארבייטער און ארבייט־געבער דורך פשרות, ארביטריישאן; זיא זוכט אויסצומיידען דיא עפענטליכע קעמפפע צווישען ארבייט און קאפיטאל. איהר ווירקונג איז דערפאר ניט קיין ענטשיעדענע.

דעם וויכטיגסטען פלאטץ, אין דער ארבייטער באוועגונג פון ענגלאנד, היינט צו טאג,

4) מאקדאנאלד איז א געוועזענער לעהרער און זשורנאליסט. יעצט זעהר א וויכטיגער מאן אין דער ארבייטער בעוועגונג פון ענגלאנד. ער האט פערפאסט א בוך „סאשעליזם און סאסייטי“, (דער סאציאליזמוס און דיא געזעלשאפט), אין וועלכען ער צייגט זיך אלס אפארטוניסט.

פארנעמט „דיא לייבאָר רעפּרעזענטיישאָן קאָמיטע 5).

5.

דיא ל. ר. ק. האָט אָנגעפאנגען און געהט פאָרלויפיג אָן מיט איהר אַרבייט אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע קערפּערשאַפט, פערבונדען נאָר מיט דיא טרייד־יוניאָנס און דיא סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָנען, וועלכע צאָהלען איהרע געוויסע בייטרעגע פיר הוצאות און פאָליטישע אַגיטאַציאָן.

גלייך אין ערשטען יאָהר, אין וועלכען זיא האָט זיך געגרינדעט, אין יאָהר 1900 האָט דיעזע קאָמיטע שוין געהאַט אָנצופיהרען אַ וואַהל־קאַמפּף, מחמת גראַדע אין יענעם יאָהר זיינען אויסגעפאַלען דיא אַלגעמיינע וואַהלען אין ענגלאַנד. דיא פעהעלטניסע זיינען פאַר איהר אַפילו ניט געווען קיין גינסטיגע: ענגלאַנד איז צו יענער צייט געווען פערקאָכט אין דער מלחמה מיט די בורען און דיא פּאַטריאָטישע משוגעת האָט כמעט דאָס גאַנצע פּאָלק פאַרכאַפּט. קיין גרויסע אגיטאַציאָן האָט מען ניט געקענט אָנפיהרען, מחמת יעדער ווער עס האָט געוואַגט זיך אויסצודריקען מיט עפּעס געגען דיא אָנפיהרער פון דיעזער שוידערליכער און בלוטיגער מלחמה — געגען דער קאָנסערוואַטיווער רעגיערונג, האָט געשטעלט זיין לעבען אין אַ סכנה. ריינע פּאָרבערייטונגען האָט מען אויך ניט געהאַט, ווען צו מאַכען: דיא צייט איז זעהר קורץ געווען. דאָך, ניט קוקענדיג אויף דאָס אַלעס האָט דער ל. ר. ק. זיך איינגעגעבען אַרויסצושטעלען ביי דיעזע וואַהלען 15 קאַנדידאַטען, וועלכע האָבען בעקומען אַ סך הכל פון 62,698 שטימען און פון וועלכע עס זיינען אויסגעוועהלט געוואָרען צוויי: קיר האַרדי און ריטשאַרד בעל. דער צווייטער, זייענדיג ענג פערבונדען מיט דער ליבעראַלער פּאַרטיי, האָט זיך נאָכהער אָבגעטהיילט פון דיעזער קאָמיטע. אָבער אין פערלויף פון יאָהר 1900 ביז 1905 האָט איהר געלונגען אַריינצושיקען דורך דיא נאָך־וואַהלען (צופעליגע וואַהלען) דריי אַנדערע דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט און זיי צוזאַמען מיט קיר האַרדי, האָבען דאָרטען געבילדעט דיא אונאַבהענגיגע אַרבייטער גרופּע.

דיא ס. ד. פ. האָט מיט דער ל. ר. ק. ניט געלעבט לאַנג בשלום. אויף דעם קאָנפערענץ,

5) זינט דער אַרטיקעל איז געשריעבען געוואָרען האָט דיא ל. ר. ק. שוין אָבגעהאַלטען אַ נייעם קאָנגרעס, אויף וועלכען זיא האָט אויך משנה השם געווען: זיא טראָגט היינט אַ באַזונדערען נאָמען „די ענגלישע אַרבייטער פּאַרטיי". רעדאַק.

וואָס דיעזע קאָמיטע האָט אָבגעהאַלטען אין יאָהר 1901 איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען אַ רעזאָלוציאָן, אַז דיא קאַנדידאַטען, וועלכע דיא ל. ר. ק. וועט אַרויסשטעלען זאָלען זיין סאָציאַליסטען. דיא ס. ד. פ. האָט ערקלעהרט, אַז אַ'ן אונאַבהענגיגע פּאָליטישע אַרבייטער פּאַרטיי מוז זיין אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, מחמת דער סאָציאַליזמוס איז דער איינציגער אמת'ער אידעאַל, דער איינציגער פּאָליטישער גלויבען פון דיא אַרבייטער. אויס פּראַקטישע טעמים האָט דיא מאַיאָריטעט פון דער ל. ר. ק. מיט דער ס. ד. פ. ניט איינגעשטימט און האָט יענע רעזאָלוציאָן פערוואָרפען. דיא ס. ד. פּ. האָט דערפאַר צוריקגערופען איהרע פאַרטרעטער און האָט זיך צוריקגעצויגען פון דער ל. ר. ק.

דיא ל. ר. ק. איז אָבער געגאַנגען פאָרווערטס מיט איהר אַרבייט און מיט דער הילפע פון דער א. ל. פּ., וועלכע האָט איהר געליפערט דיא בעסטע אַגיטאַטאָרישע קרעפטען, האָט זיא געמאַכט געוואַלדיגע פאָרטשריטע. ביז צו דעם ערשטען קאָנפערענץ האָבען זיך צו איהר אָנגעשלאָסען קערפּערשאַפטען, מיט 375,931 מיטגליעדער. ביז צו דעם צווייטען קאָנפערענץ איז דיא צאָהל פון דיא אָנגעשלאָסענע קערפּערשאַפטען אַזוי ווייט געוואַקסען, אַז זיא האָט שוין ערהאַלטען בייטרעגע פון 469,311 מיטגליעדער. ביז צום דריטען קאָנפערענץ איז דיא צאָהל פון די בייטרעגע געווען 736,000 און יעצט האָט דיא ל. ר. ק. אַ מיטגליעדערשאַפט, פון אַ מיליאָן. מיט דער צייט איז זיא אויך פּראָגרעסיווער געוואָרען אין איהרע שטרעבונגען און אויף איינעם פון איהרע קאָנפערענצען האָט זיא געפּאַסט אַ רעזאָלוציאָן, וועלכע ערקלעהרט, אַז דער ציעל פון דער קאָמיטע איז: „אָבצושאַפען דיא געגענווערטיגע קאַפּיטאַליסטישע קאָנקורענץ־אָרדנונג און איינפיהרען דעם קהל־שען קאָנטראָל און בעזיץ פון אַלע מיטלען פון שאַפונג, פאַרטהיילונג און אויסטוישונג פון עשירות, דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער איינפיהרען אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג.

צו דעם וואוקס פון דיעזער קאָמיטע האָט אויך פיעל מיטגעהאָלפען דיא „טאַף וויל דעסיזשאָן" 6) (דער בעשלוס פון טאַף וויל). זיא

6) מיט דער „טאַף וויל דעסיזשאָן" איז אַזאַ מעשה. אין יאָהר 1901 איז געווען אַ סטרייק פון איזענבאַהן־אַרבייטער אינטער דער השגחה פון דער „אַמאַלגאַמייטעד סאָסייעטי אָוו ריילוויי סערוואַנטס" (דער אַלגעמיינער פעראַיין פון דיא איזענבאַהן־בעאַמטע) און איניגע סטרייקער האַבען געפּיקעטעט אַרום דער סטאַציאָן פון קאַרדיף. דיא איזענבאַהן קאָמפּאַניע האָט אָנגעקלאָגט דיא אָפיסערס פון דער יוניאָן, זיי געמאַכט פעראַנטוואָרטליך דערפאַר וואָס מען שטערט איהר דיא אַרבייט און האָט פערלאַנגט

האָט כמעט, וויא אוועקגערויבט ביי דיא ארבייטער דאָס רעכט צו סטרייקען און צו שטעלען שומרים (פּיקעטען), כדי צו פערהינדערן אויף אַ פרידליכען אופן דיא סקעבס פון צו פארנעהמען דיא פּלעטצער פון דיא סטרייקערס. זיא האָט אויך געשטעלט אין אַ סכנה דיא פערמעגענס פון דיא יוניאָנס, ווארום עס איז גע'פסקנ'ט געוואָרען, אַז דיא בעלי־בתים זייען בארעכטיגט צו שאָדען־ערזאַץ, און אַז דיא יוניאָנס מוזען עס בעצאהלען, ווען זיי שטערען דיא ארבייט דורך סטרייקס וכדומה. דיעזער בעשלוס האָט מיטגעווירקט אויפצוועקען דעם בעוואוסטזיין פון די ארבייטער, וויא אַ היבש ביסעל אויל ווירקט אויף אַ פייער, וואָס האַלט זיך אין צופלאקערן. יע, עס איז זיכער וויא דער טאָג, אַז דיא קאפּיטאַליסטען פון ענגלאַנד האָבען דורך זייער העלפער, דיא „געזעטצגעבער“ און דיא פערטהיילער פון „גערעכטיגקייט„ מיטגעהאָלפען דיא סאָציאַליסטען אין זייער אַרבייט. עס פאַרשטעהט זיך אַליין, אַז זיי האָבען דאָס ניט געטהוען ווילענדיג און אויך ניט וויסענדיג. זייערע פאַרהעלטניסע האָבען זיי דערצו געצוואונגען.

דעם בכבוד'יגען פּלאַץ, וועלכען דיא ענגלישע קאפּיטאַליסטען האָבען פאַרנומען אין דער וועלט, דורך דעם וואָס זיי זיינען געוועזן דיא הערשער פון דעם וועלט מאַרקעט, האָט אָנגעפאַנגען פון אונטער זיי צו פארשווינדען.

דיא קאַפּיטאַליסטען פון אנדערע לענדער האָבען זיך אויך אנגעפאַנגען צו דיעזען פּלאַטץ צו שטופּען.... דיא אינדוסטריע האָט זיך אין דעם לעצטען פערטעל יאָהר־הונדערט זעהר שטאַרק ענטוויקעלט אין אנדערע לענדער אויך, א חוץ ענגלאַנד און אונפערמיידליכערווייזע ווערט אין דיעזע לענדער פּראָדוצירט פיעל מעהר סחורות, וויא דיא איינוואָהנער האָבען די

מעגליכקייט צו פארצעהרען. זיי האָבען דערפאר אויף אָנגעפאנגען דעם שפּיעל פון וועלט־מאַרקעט־כאַפּעריי, אַ שפּיעל אין וועלכען ענגלאַנד איז פריהער געוועזן זעהר געניט... עס איז זעהר שווער געוואָרען פאר ענגלאַנד זיך צו דערשלאָגען צו נייע מאַרקעטס און דיא, וועלכע זיא האָט געהאַט בעפאָר — דיא ענגלישע קאָלאָניען, וואו זיא פּלעגט אויסברייגען איהר איבערפּראָדוקציאָן, האָבען אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען אייגענע אינדוסטריען מיט אייגענע קאַפּיטאַליסטען. זיי שאַפען שוין מעהר אָדער ווענִיגער אליין דיא פּראָדוקטען, וועלכע מען דארף אין דיא קאָלאָניען.

זיי וואַרפען דערפאר ארויף גרויסע אָבצאָהלונגען אויף דיא סחורות, וואָס קומען פון אנדערע לענדער, זאָגאר פון ענגלאנד 7) זיי זאָגען צו דיא קאַפּיטאַליסטען פון אנדערע לענדער: „ליעבע קרובים, זיטצט אייך מיט אייערע סחורות אין דער היים, דאָרט וואו מען קען אייך, מיר האָבען שוין אונזערע אייגענע געננג“... עס איז געוואָרען אונמעגליך צו פארקויפען דיא סחורות וואָס מען שאַפט, און דאָס האָט געשאַפען אַ שטענדיגען קריזיס אין לאנד. צו יעדער צייט געפינט זיך אין לאַנד אַ גאַנץ גרויסע צאָהל אונבעשעפטיגטע אַרבייטער און דיא אַרבייטס בעדינגונגען ווערען אלץ שלימער און שלימער.

דיעזער קריזיס האָט אונפערמיידליכערווייזע געשאַפען צוויי שטרעבונגען. איין שטרעבונג פון דיא אַרבייטער־קלאַס, פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכער זוכט צו ברייגען מעהר אָרדנונג אין דער אַרבייטס־צייט און אין דיא אַרבייטס־בעדינגונגען, כדי צו באַשרענקען דיא איבערפּראָדוקציאָן און פארקלענערען דיא ארבייטער־רעזערוו־ארמיי.. און א צווייטע שטרעבונג פון דער קלאַס קאַפּיטאַליסטען, פון דער בורזשואַזיע, וועלכע זוכט פאַרקעהרט, צו פאַרשלימערן דיא ארבייטס־בעדינגונגען, צו פאַרקלענערן דיא שכירות, צו פאַרלענגערן דעם אַרבייטס־טאָג, כדי די פּראָפיטען, וועלכע מען קען מעהר ניט בעקומען פון די מסחרים, זאָלען בעקומען ווערען פון דיא ארבייטערס פראצע... דיא בורזשואזיע האָט פּאָרלויפיג גיכער דיא מעגליכקייט איהר שטרעבונג אויסצופיהרען, איידער דער פּראָלעטאַריאַט, נאָר דיא בורזשואַזיע האָט א טבע וואָס מעהר זיא קען, מעהר וויל זיא, און כדי צו זיין זיכער אין איהר עקספּלואַטאַציאָן־אַרבייט זוכט זיא צו באַשרענקען דיא רעכטע פון

אין נאמען פון א געזעץ, וועלכער עקזיסטירט צו בעשיצען פּריוואט־אייגענטהום, שאדען־ערזאטץ. דער משפט איז פאָרגעקומען פאר א געריכט און. דער אורטהייל איז געוועזן אז דיא קאַמפּאניע איז גערעכט: ארבייטער האָבען קיין רעכט ניט צו שטערען וועלכע עס איז ארבייט. אויב זיי זיינען ניט צופריעדען מיט דיא בעדינגונגען און ווילען סטרייקען מוזען זיי געבען פריהער א התראה (נאָטיס) און בעת דער סטרייק געהט אָן, טאָרען זיי ניט הינדערן אנדערע ארבייטער, (סקעבס), אין דער ארבייט... דיא יוניאָן האָט לויט דעם בעשלוס פון דיא ריכטער געמוזט צאָהלען צו דער אייזענבאהן קאָמפּאניע לערך א 30,000 פונט ($150,000) שאדען ערזאַץ. מ. מ.

זינט דער ארטיקעל איז געשריבען איז דיא „טאף וויל דעסיזשאָן“ שוין אָבגעשאפט דורך א נייעם געזעץ וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אין פּארלאמענט אויף דיא פאָדערונג פון דיא ארבייטער דעפּוטאַטען. רעד.

7) דיא קאָלאָניען קענען עס טהון מחמת פיעלע האָבען זעלבסט פערוואלטונג.

דיא ארבייטער און אָבצושוואַכען זייער מאַכט... אָבער דאָס גראַדע האָט אין ענגלאַנד, וויא איבעראַל, געשאַפען דעם היפוך פון דעם, וואָס דיא בורזשואַזיע האָט געוואָלט דערגרייכען; דיא אַרבייטער, פיהלענדיג זיך אין געפאַהר, האָבען ענגער צוזאַממענגענומען זייערע רייהען, כדי צו קענען זיך פערטהיידיגען געגען דעם שונא און זיי האָבען אָנגעפאַנגען איהם צו פערשאַפען איבערראַשונגען....

די מפלה פון דער קאָנסערוואַטיווער פאַרטיי, וועלכע איז געווען די ערשטע, וואָס האָט אָנגעפאַנגען זוכען צו בעשרענקען די רעכטע פון דיא אַרבייטער אין ענגלאַנד, און דער זיעג פון דער ל. ר. ק. ביי דיא אַלגעמיינע וואַהלען, פון יאַנואַר 1906, בילדען דיא בעסטע בעווייזע פאַר דיעזע בעהויפּטונגען.

6.

די אַלגעמיינע וואַהלען אין ענגלאַנד, אין יאַנואַר 1906, האָבען פעראורזאַכט אַ'ן אונגעהייערע איבערראַשונג. עס זיינען געווען דיא ערשטע וואַהלען אין דער געשיכטע פון ענגלאַנד, ווען דיא אַרבייטער האָבען אַרויסגעשטעלט אַ גענוג גרויסע צאָהל אונאַבהענגיגע קאַנדידאַטען, צו צוציהען דיא אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליטישער וועלט. עס זיינען געשטאַנען 57. 8) קאַנדידאַטען פון דער ל. ר. ק. 7 פון דער ס. ד. פ. און 2 פון דער אי. ל. פּ. מיט דער ס. ד. פּ. צוזאַמען. 9)

דיעזע אָרגאַניזאַציאָנען האָבען אָנגעפיהרט אַ טהעטיגע אַגיטאַציאָן בעפאָר דיא וואַהלען. זיי האָבען אַרויסגעלאָזען טויזענדער אויפרופע צו דיא אַרבייטער, און דיא אויפרופע האָבען ענטהאַלטען קלאָהרע ערקלעהרונגען מכח דעם, וואָס זיי ווילען און פערלאַנגען. דיא הויפּטפאָדערונג איז געווען זעלבסט-שטענדיגע אַרבייטער פּאָליטיק, וועלכע זאָל זיין אונאַבהענגיג פון דער פּאָליטיק פון דיא אַנדערע פּאַרטייען און זאָגאַר געגען יענע אַנדערע פּאַרטייען געריכטעט. פיעל האָט נאָך מיטגעהאָלפען צו דיעזער אַגיטאַציאָן אַן אויפרוף, אַרויסגעלאָזען פון דיא טרייד יוניאָנס אַליין אין מיטען דעצעמבער 1905. דאָרט געפינט זיך צווישען אַנדערע פאָלגענדע ערקלעהרונג: „אין דער פערגאַנגענהייט האָבען דיא אַרבייטער געהאַט צו קעמפּפען מיט גרויסע הינדערניסע, האָבענדיג געגען זיך

דעם פּאַרלאַמענט, וואו דיא מאַיאָריטעטען האָבען בעלאַנגט צו דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַסע. איהר, אַרבייטער, זיינט דיא שאַפער פון אַלע רייכטהימער פון לאַנד און, האָבענדיג דאָס וואַהל-רעכט, דאַרפט איהר עס בענוצען פיר אייערע אייגענע אינטערעסען. דיא בעלי-בתים זאָרגען פאַר זיך, זיי נוצען אויס זייער גאַנצען איינפלוס, כדי צו צושפּאַלטען אייערע רייהען און זיי ריידען אייך איין צו שטימען פאַר זייערע אינטערעסען אַנשטאַט פיר אייערע אייגענע. דער טרייד-יוניאָן-קאָנגרעס האָט יאָהר איין, יאָהר אויס געפאַסט רעזאָלוציאָנען, דורך וועלכע מען האָט פערלאַנגט סאָציאַלע רעפאָרמען, אָבער דיעזע רעפאָרמען קענען אויסגעפיהרט ווערען נאָר דאַמאַלס, ווען איהר וועט שיקען אין פּאַרלאַמענט דעפּוטאַטען פון אַ'ן אייגענע אַרבייטער פּאַרטיי"..

מען האָט פון דעסטוועגען דאָך ניט ערוואַרטעט אַזאַ גלענצענדען רעזולטאַט. דיא 66 קאַנדידאַטען, אונאַבהענגיגע אַרבייטער און סאָציאַליסטען, האָבען בעקומען איבער 300,000 שטימען און 30 11) פון זיי זיינען אויסגעוועהלט געוואָרען. „דיא צאָהל איז ניט קיין גרויסע צווישען דיא 670 דעפּוטאַטען פון פּאַרלאַמענט" — שרייבט דיא לאָנדאָן „טיימס" פון 30 יאַנואַר 1906 — „אָבער אין פערגלייך מיט דער פריהעריגער צאָהל איז זיא זעהר גרויס, זיבען מאָהל אַזוי גרויס"... דיעזער רעזולטאַט האָט איבערראַשט דיא עפענטליכע וועלט און דיא קאָנסערוואַטיווע פּרעסע פון ענגלאַנד איז אין גרויס שרעקען. זיא ערקלעהרט אָפען און פריי, אַז דיא ענטשטעהונג פון דער פּאָליטישער אַרבייטער פּאַרטיי און דער זיעג, וואָס זיא האָט געהאַט זיינען שלעכטע סמנים, וועלכע צייגען, אַז דיא סאָציאַליסטישע „געפאַהר" פאַנגט זיך אָן ענטוויקלען אין ענגלאַנד.... דיא ליבעראַלע פּרעסע מאַכט זיך פּאָרלויפיג האַרץ. זיא ערקלעהרט, אַז דער „רוח" איז ניט אַזוי שוואַרץ, וויא מען מאָהלט איהם... זיא טרייסט זיך דערמיט וואָס דיא אויסגעוועהלטע אַרבייטער-קאַנדידאַטען זיינען גאַנץ „פערנונפטיגע" מענשען און זיא האָפט, אַז זיי וועלען מיטהעלפען דער ליבעראַלער פּאַרטיי דורכצופיהרען רעפאָרמען און וועלען ניט אַרויסשטעלען קיינע „עקסטרעמע" פאָדערונגען—. מיר מעגען אָבער זיכער זיין, אַז זי וועט זיך באַלד אַרומזעהען, דאָס איהרע

8) 30 פון זיי זיינען מיטגליעדער פון דער א. ל. פ., 1 מיטגליעד פון דער ס. ד. פ., דיא אַנדערע 26 זיינען איינפאַכע טרייד-יוניאָניסטען.

9) עס זיינען נאָך געשטאַנען 18 קאַנדידאַטען פון דיא מיינער יוניאָנס, נאָר זיי שטעהען מעהר אָדער ווייניגער אין פערבינדונג מיט דער ליבעראַלער פּאַרטיי.

10) פון דיא 30 זיינען 16 סאָציאַליסטען, (15 מעמבערס פון דער אי. ל. פּ. און איינער אַ מיטגליעד פון דער ס. ד. פּ.) דיא אַנדערע 14 זיינען אונאַבהענגיגע טרייד-יוניאָניסטען, מעהר אָדער ווייניגער אין סימפּאַטהיע מיט דעם סאָציאַליזמוס.

טרייסטונגען זיינען געווען אומזיסט און איהרע האָפנונגען פוסטע...

וועלכע עס וועט זיין די שטעלונג פון דער אַרבייטער פּאַרטיי אין דעם יעצטיגען פּאַרלאַמענט, זאָגט מען, אַז מען קען בעשטימט נאָך ניט וויסען. איהר פּראָגראַמע ענטהאַלט פאָרלויפיג נאָר באַלדיגע רעפאָרמען: די באַרעכטיגונג פון די טרייד-יוניאָנס אין זייער קאַמפף געגען די בעלי בתים, די פערזיכערונג פון זייערע פאָנדס, א בעסערע איינאָרדנונג אין די אַרבייטס-בעדינגונגען; אַרבייט פון'ם שטאַאַט פאַר די אונבאַשעפטיגטע אַרבייטער; אויסהאַלטען מיט נאַהרונג די קינדער אין די שוהלען 12) וכדומה 13) און מען וויים נאָך ניט וואָס פאר א שטעלונג די ליבעראַלע רעגיערונג וועט נעהמען צו דיזע רעפאָרמען, מיטאמאל דעם, וואָס מען האָט געזעהען מיט וויפיעל ביטערקייט און עקשנות די ליבעראַלע פּאַרטיי האָט באקעמפפט אלע קאַנדידאַטען פון דער ס. ד פ. 14) און פיעלע פון דער ל. ר. ק.

די ליבעראַלע פּאַרטיי האָט פאָרלויפיג פארשריען די וועלט מיט איהרע פארשפּרעכונגען, פיעלע פּראָגרעסיווע עלעמענטען זאָגאַר גלויבען, אַז זי מיינט ערנסט דערמיט און ערוואַרטען פון איהר וויכטיגע רעפאָרמען, זיי וועלען אָבער באלד האָבען די געלעגענהייט צו ערפאַהרען, אַז עס איז געווען אַ נאַריש איינרעדעניש, א פוסטע פאָרשטעלונג. סוף כל סוף איז די ליבעראַלע פּאַרטיי צוזאַמענגעשטעלט מייסטענס פון בורזשוען, וועלכע וועלען פאר די אינטערעסען פון זייער קלאַס פארבייגען דעם געפיהל פון גערעכטיגקייט, אויב זיי בעזיצען איהם אַפילו, און זיי וועלען זיך אויך ניט שעהמען צו טרעטען זייערע פאַרשפּרעכונגען, זיך אַליין אויסלאַכען פון זיי, וויא עס האָט שוין אַזוי פיעל מאָהל פּאַסירט. „צו צוזאָגען רעפאָרמען“ און „דורכפיהרען רעפאָרמען“ זיינען צוויי בעזונדערע זאַכען; דאָס ערשטע האָבען די ליבעראַלען געטהון, דאָס צווייטע וועלען זיי זיך ניט אייލען, בעזונדערס ניט, ווען עס וועט זיך האַנדלען וועגען ערנסטע רעפאָרמען. אויב די אַרבייטער פּאַרטיי וועט זיי ניט צודריקען, וועלען זיי זוכען זיך אויסצודרעהען מיט נייע פאַרשפּרעכונגען, דאָס מאָהל מעגען מיר אָבער האָפען אַז איהר וועט זיך ניט איינגעבען זיך אויסצודרעהען. עס האָבען זיך שוין אנגעקליעבען צופיעל ערפאהרונגען, אַז מען זאָל נאָך קענען דעם אַרבייטער-עולם איינשלעפערן מיט זיסע ליעדלאך.

די צוקונפט איז פאַר אונז קלאָהר: די יעצטיגע פערשידענהייט צווישען די אַרבייטער רייהען וועט מיט דער צייט פערשווינדען. די אַרבייטער וועלען ענדליך אנהייבען צו פאַרשטעהן ניט נאָר זייער מאַכט און זייער לאַגע, נאָר אויך זייער ראָלע, אין דער געשיכטע. זיי וועלען מוזען אננערקענען, אַז זייער איינציגער אידעאַל קען זיין דער סאָציאַליזמוס, מחמת נאָר ער קען אבשאַפען אלע שלעכטיגקייטען פון דער געזעלשאַפט, נאָר ער קען ברייגגען דער מענשהייט די פאָלשטענדיגע גאולה פון אלע צרות און ליידען. דאַן וועלען אלע ארבייטער און סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָנען זיך פעראייניגען אין איין גרויסע מעכטיגע „פעראייניגטע-סאָציאַליסטישע-ארבייטער-פּאַרטיי“. און דערמיט וועט אבגעשלאָסען ווערן די געשיכטע פון דער איבערגאַנגס-פעריאָדע און דער ענגלישער אַרבייטער באַוועגונג. זי וועט פאָלשטענדיג האָבען דורכגעגאַנגען דעם לאַנגען וועג פון דעם אלטען טרייד-יוניאָניזם צו דעם מאָדערנעם סאָציאַליזמוס. מאַנטשעסטער, פעברואַר 1906.

מאַררים מייער.

---

11) איבערהויפּט געגען אונזער חבר הייגדמאַן האָט זיא בענוצט אלע מעגליכע מיטלען איהם ניט דורכצולאָזען אין פּאַרלאַמענט. די ליבעראַלע פּאַרטיי האָט געגען איהם ארויסגעשטעלט אן ארבייטער, מאַדיסאָן, א געוועזענעם טשערמאַן פון א טרייד-יוניאָן קאָנגרעס. ער האָט מיטגעשטימט צו ווערען א ווערקצייג פון דער בורזשואַזיע געגען די אינטערעסען פון זיין קלאַס. הייגדמאַן האָט טראָץ דעם בעקומען 4932 שטימען. מאַדיסאָן האַט געהאַט מיט 300 מעהר און איז אויסגעוויילט געוואָרען.

12) די רעפאָרם איז שוין דורכגעפיהרט געוואָרען אין פּאַרלאַמענט. דאָס איז געווען דער ערשטער געזעץ פּראָיעקט וואָס די ארבייטער פּאַרטיי האָט אריינגעטראָגען און זעהר לייכט אויך דורכגעפיהרט. רעד.

13) די פראגע וועגען א אלגעמיינע פּראָגראַם איז הייס דעבאַטירט געוואָרען אויפ'ן לעצטען קאָנגרעס נאָך די וואהלען און אויך דעם מאָהל האָט מען זיך נאָך ניט געקענט בעשליסען אזא פּראָגראַם אויפצושטעלען. די נייע פּאַרטיי מוז נאָך הפּנים האָבען מעהר צייט ביז די פערשיעדענע טהיילען וועלען איינגער און שטאַרקער צוזאַמענוואַקסען. רעדאַק.

שלום יעקב אבראמאָוויטש

(מענדעלע מוכר ספרים.)

(ישלום).

שלמה ר׳ חיים׳ס (אויף ניט געענדיגט אזוי וויא דער „ווינש פינגעריל״) איז מעהר אויטאָביאָגראפיע וויא ערצעהלונג. פיעלעס פון אבראמאָוויטש׳עס אייגענעם לעבען געהט אריין אויף אין „ווינש־פינגעריל״, אָבער אין „שלמה ר׳ חיים׳ס״ איז כמעט גאָר קיין אנדער זאך ניטאָ. אבראמאָוויטש האָט זיך דאָ פארנומען איבערגעבען פאר דיא צוקונפטיגע אידישע דורות א בילד פון דעם פארצייטיגען לעבען, פון דיא זאכען און מענשען וועלכע ער האָט באגעגענט אין קאפוליע און אין דער דאָרף מעלניקע, פון דיא געדאנקען און געפיהלען וועלכע דיא אלע זאכען האָבען אין איהם ארויסגערופען, און פון דיא פארנאנדערוויקלונג פון זיין אייגענער נשמה. דיא בילדער זיינען קלאָהר, דיא פסיכאָלאָגישע שילדערונג איז טיעף. קיין מגידות איז דאָ כמעט ניטאָ, ווייל דאָ פעהלען ביידע, אי דער דערוואקסענער אבראמאָוויטש, אי זיין „ספעציעלער אגענט״ ר׳ מענדעלע. „שלמה ר׳ חיים׳ס״ איז א קלאָרע געוויסענהאפטע שילדערונג פון דעם גייסטיגען לעבען פון דיא ליטווישע אידען אין דיא 40־ער און 50־ער יאָהרען, און אלס אזעלכע דאַרף עס שטודירט ווערען פון אלע ליעבהאָבער פון אידישע קולטור.

.4

אזוי וויא אבראמאָוויטש איז אין עצם מעהר מגיד איידער נאָוועליסט, קומט ממילא אויס, אז אין א ווערק וואָס פרעטענדירט גאָר ניט אויף קיין ערצעהלונג, און איז ניט געבונדען פון דעם סדר און אָרדנונג וואָס פאָדערן זיך פון אן ערצעהלונג, אז דאָרט דאַרף זיך זיין מגיד׳ישער טאלאנט פיהלען אם פרייסטען און דארף ארויסווייזען זיין גרעסטע גאונות, זיין געוואלטיגסטע זאָגעריי. דאָרט פיהלט זיך אבראמאָוויטש פריי צו דרש׳ענען פסוקים, צו זאָגען תורה, צו חקר׳ענען זיך, פילאָזאָפירען, צוגיסען זיך אין יאָמערען און געשרייען. דאָרט קען ער זיך פריי אָפּריידען פון הארצען, קלאָגען אויפ׳ן עבר, רייסען קברים, דורכנעהמען דיא נשמות פון עולם מיט א מוסר וואָס שטעכט וויא מיט שארפע שווערדען, און אָנגעצונדען ווערען מיט רוח הקודש און שטורעמען מיט ירמיהו הנביא׳ס פעך און שוועבעלדיגע „תמרורים״.

אָט אזא מין פרייעס ווערק איז דיא „קליאַטשע (1873). וואָס איז ניט קיין ערצעהלונג, נאָר א מין ביטערער, לאנגער, צונויפגעפלאָכטענער פעליעטאָן. אהער שטייעט, דראפּעט זיך און זידט וויא א סמבטיון.

דיא „קליאַטשע״ איז א זעלטענע שטוקעריי פון משונה ווילדע פערדים, אין משונה׳דיגע קאָליר־ען און בונטיגע מיינען. דאָס איז דיא געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק: זיין פערגאנגענהייט, פול מיט הרמות, טרויער־גלאנץ און שיימער־הויפענס. זיין געגענוואַרט, פול מיט פאָגראָמען, קרבנות, צוקוואשעטע מארכען, אונגאטירליכע, איבערמענשליכע שטיקענים, צוריסענקייט, שפלות און ברודער־שינדעריי. און א נבואה אויף זיין צוקונפט, פארוויכערט און כמאַרנע און מעלאנכאָליש־ליכטיג, וויא א שרפה אין א וואלד, אין א וואָלקענדיגער נאַכט.

דיא „קליאַטשע״ איז געשריעבען געוואָרען אין א שווערע צייט, ווען דיא בעסטע אידישע מענשען, דיא וואָס זיינען פריהער געווען פערקאָכט אין השכלה, און האָבען געמיינט, אז זיא וועט זיין א רפואה שלמה צו אלע אידישע וואונדען, האָבען זיך אָנגעהויבען ארומזעהען, אז דיא השכלה איז גאָר א זייף־בולבע. ניט זיא וועט דעם הונגעריגען פאָלק אָנקאָרמענען מיט ברויט, ניט זיא וועט איהם געבען דיא געגארטע אנערקענונג פון דיא פעלקער. אין אבראמאָוויטש האָט איינגעזעהען, אז נאָר אומזיסט האָט ער אין דעם נאָמען פון השכלה געשטראָפט זיינע ברידער אין זיינע פריהערדיגע ווערק. און ער ווערט אָנגעפיללט מיט חרטה און מיט תשובה און ער גיסט אויס זיין הארץ אין רייד וויא קרעמענים, ביטער וויא פיאָלען וואָרצעל, שטעכיג וויא נאָדלען, און דיא שפיצען זיינען געווענדעט געגען איהם אליין און זיינע חברים, זיינע מיט־קעמפפער אין דער ארמיי פון דער השכלה.

און וואָס איז דאָ ניטאָ אין דער „קליאַטשע״? פאָעזיע, גליהענדע נאטור־שילדערונגען, און שילדערונגען פון רציחות אויף אידען; סודות, מדרשים, קבלה, פאָליטישע עקאָנאָמיע, דעם סאָלאָמאָן׳ס קלאָג־ליעד אייבגעטיישט מיט סליחות און קינות; איוב׳ס וועהמיטהיגער פראַ־

טעסט געגען דיא אייביגע קרעפטען און דיא זיסקייט פון שיר השירים; דיא שניידענדיגסטע, גאלליגסטע סאטירעס אויף דיא אידישע כלל־פערזארגער און אויף דיא פערפינסטערער פון פאָלק'ס מוח, אויף דעם מענשען בכלל, אויף זיין גאנצע ציוויליזאציאָן, און דיא טיעפסטע כונות געגען דיא „מלכות הרשע“, געגען דאָס רוסישע פאָלק, געגען דער מענשליכער נאטור. איבערהויפט דיא כונות, דיא פינטעלאך; פולל און פיעל זיינען זיי, און יעדע פינטעלע ענטהאלט א געדאנק וואָס פערצווייגט זיך און שפיעלט מיט אלערליי פארבען אזוי וויא א צושפאָלטענער דימענט. היינט דיא טרעהרען, וואָס פאר א בלוטיגע טרעהרען, אָנגעלאָדען מיט פעך און שוועבעל; דיא זיפצען, דיא אָכצען — זיי קלינגען וויא א שטורם־כאָר, וויא א כאָרכלעריי פון א ראָטע גוסס'ע. ווער האָט נאָך ארויסגעצייגט אזא ברענענדיגע ליעבע צו זיין פאָלק, אזא שמארצענדען צער פון זיינע צרות, וויא אבראַמאָוויטש ווייזט דאָס ארויס אין דער „קליאטשע“? וואו נאָך געפינען מיר אזא זעלטענע, הארמאָנישע צוזאמענגיסונג פון דעם אלט־מאָדישען אידען, דעם גמרא־למדן, דעם בעל־מדרש מיט דעם היינטוועלטיגען אידישען פובליציסט וויא אין דער „קליאטשע“? וואו איז דאָ נאָך אזא סימפאָניע פון ווילדע, משוגענע טענער און טרויעריגע הארצענס־מעלאָדיען, וויא אין אָט דעם כישוף'דיגען קעסעל־גרוב פון ליטעראטור און פאָעזיע?

דיא „קליאטשע“ איז דער סך הכל פון אלע אבראמאָוויטש'עס ליטערארישע פעהיגקייטען, זיי אלע ווערען דאָ צונויפגעגאָסען אין איינעם: זיין שילדערונגס קראפט, זיין ליעבע און קענטשאפט מיט דער נאטור, מיט איהרע טויטע בילדער וויא מיט דיא לעבעדיגע זאכען אין איהר; זיין וואונדערבארע און טיעפע קענטנים פון דעם אידישען פאָלק; זיין שטארקער פאטריאָטיזמוס; זיין קלוגקייט, זיין דורכדרינגענדער בעל־הבית'שער שכל, זיין סאטירע, זיין שטעכיגקייט און פארביטערקייט; זיין פאָעטישע שיינקייט, געפיהלפאָלקייט, זיין ווארימקייט, זיין מבינות אויף דיא פיינסטע קנייטשעלעך פון דער מענשליכער נאטור, און דיא ריעזען־קראפט פון זיין זעעלע. דיא „קליאטשע“ איז א מין עפילאָג צו אבראמאָוויטשעס אלע ווערקע, א מין משנה תורה צו אלעס אנדערעס וואָס ער האָט געשריבען.

עס איז וואונדערבאר וויא הויך אבראמאוויטשעס פערשטאנד איז געשטיגען פאר דיא עטליכע יאָהר וואָס זיינען אוועק פון זיינע ערצעהלונגען ביז דער „קליאטשע“. לייענט דיא בלעטלאך פון ישראליק'ס פעסימיזמוס, זיינע מיינונגען וועגען דיא לימודים מיט וועלכע ער שטאָפט זיך פאר'ן עקזאמען; דער קליאטשעס מיט ישראליק'ס ויכוח וועגען בילדונג און ציוויליזאציאָן און וועגען „אם אין קמח אין תורה“; דער קליאטשעס שפאָט אויף דיא היינטיגע מענשליכקייט און דעם אשמדאי'ס ראיות פאר וואָס דיא אלע געשרייען געגען אידישע מלמדים, שדכנים און אלע דיא וואָס לעבען פון ווינט זיינען אומזיסטיגע רייד — לייענט דאָס אלץ און איהר וועט זעהן וויא וויים דיעזער געוועזענער ישיבה־בחור און משכיל האָט זיך אויפגעהויבען איבער דעם שטאנד־פונקט פון זיינע חברים און וויא וויים היינט־וועלטיג זיין בליק איז געוועזען נאָך אין אנפאנג פון דיא אכציגער יאָהרען. איהר וועט זיך אויך וואונדערען אויף אבראמאָוויטשעס מוטה. ניט יעדער איינער האָט דאָס דיא הויכע מאָראלע קראפט צו צוברעכען אלטע פערהייליגטע לוחות אפילו ווען ער זעהט איין, אז זיי זיינען פאלש, ניט יעדער איינער איז א אברהם אבינו וואָס זאָל זיך אסמעליען צו צוהאקען דיא געצען פאר וועלכע ער אליין האָט זיך ערשט ניט לאנג געבוקט. ניט יעדער איינער פיהלענדיג, אז ער איז מאָראליש באנקראָט האָט דעם מוטה עס צו זאָגען פאר דער וועלט.

דיא קליאטשע, איז דאָס גרעסטע ווערק וואָס אבראמאָוויטש האָט אונז געגעבען. עס איז איינע פון דיא גרעסטע זאכען וואָס דיא אידישע ליטעראטור האָט ארויסגעבראכט.

.5

אבראמאָוויטש איז א משכיל, מיט דיא ערציהונג און שטרעבונגען פון דיא משכילים. דיא משכילים זיינען געוועזען ראציאָנאליסטען, דאָס הייסט, זיי האָבען געשטרעבט דערצו, אז דאָס אידישע לעבען זאָל זיך ניט האלטען בלויז אויפ'ן גלויבען, נאָר עס זאָל אוועקגעשטעלט ווערען אויפ'ן שכל הישר. זיי זיינען אָבער ניט געוועזען דורכאויס קיין טהעאָריע מענשען. פארקעהרט דיא מייסטע פון זיי האָבען געקעמפפט אויף א פראקטישען וועג בריינגענדיג נוצען פאר זייער פאָלק. זיי האָבען געוואָלט איינפיהרען ביי אידען אזעלכע רעפאָרמעס, אז עס זאָל זיי זיין גרינגער, פרייער צו לעבען אויף דער וועלט, און זיי זאָלען האָבען א פנים מיט לייטען צוגלייך. זיי זיינען אלזאָ געוועזען אוטיליטאריאנער—ד. ה. מענשען וואָס האָבען געשטרעבט נאָך פראקטישע נוצען.

מעהר פון אלעמען איז דאָס געוועזען אבראמאָוויטש. אין דער צייט, וואָס ביי אנדערע האָבען אנדערע זאכען, וויא פרייהייט פון געדאנק,

רעפאָרמאַציאָן פון גלויבען, שעהנקייט און עסטהעטיק געשפּיעלט זעהר אַ גרויסע ראָלע, איז ביי אבראמאָוויטש'ען דער עיקר געוועזן נוצען. אבראמאָוויטש פיהרט ניט קיין ספּעציעלען קאַמפּף דאַפיר, אַז אידען זאָלען זיך, למשל, לערנען דקדוק און העברעאישע ליטעראַטור. נאַטירליך איז ער פאַר דעם, אָבער קיין וועזען מאַכט ער דערפון ניט. דער עיקר איז נוצען. דיזע שטרעבונג אבראמאָוויטש'עס קענט איהר זעהען אפילו אין זיין אַרט שרייבען. דיא מייסטע אַנדערע משכילים, אַז זיי האָבען געשריעבען העברעאיש האָבען זיי זיך געטרייסעלט איבער'ן סטיל. זיי האָבען איהם אָבגעהיט וויא דיא שוואַרצאַפּעל פון אויג. דיא שפּראַך מוז זיין אַ ריינע תנ"ך שפּראַך. אַ גמרא אָדער מדרש וואָרט דאַרף אַריינקומען. זעהר, זעהר זעלטען. די שפּראַך טאָר אַפילו מיט קיין רמז ניט דערמאָנען אויף דער אידישער גאַסען־שפּראַך. אבראמאָוויטש'עס העברעאישער סטיל אָבער צייכענט זיך אויס מיט זיין עהנליכקייט צום זשאַרגאָן, צום זשאַרגאָן פון דער גאַס. און דער העברעאיש איז אַזאַ, אַז אפילו אידען וואָס זיינען ניט קיין גרויסע בעל תנ"ך'ס, נאָר זיי האָבען געלערנט גמרא און מדרש זאָלען עס קענען פאַרשטעהען. דאָס איז ווייל אבראמאָוויטש האָט געוואָלט ניצליך זיין.

איך האָב שוין דערמאָנט ווי אבראמאָוויטש איז געוועזן דער ערשטער משכיל וואָס האָט אַראָפּגענומען דיא האַנד פון האַרצען און איז בפרהסיא אַרויס אונטער'ן אַרעם מיט דער „שפחה,“ מיט אונזער אָרימען מאַמע לשון. דאָס איז אויך געוועזן ווייל ער האָט געוואָלט ניצליך זיין. טהוט אַ קוק אויף אבראמאָוויטש'עס שפּראַך וויא איינפאַך, ניט־געצאַצקעט, און מאַרק אידענים זיא איז. אַ חוץ דעם איז דאָס נאָך דיא שפּראַך פון אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר. ער וועט זיך אָפּשטעלען, פערטייטשען וואָס ער זאָגט, אַריינלעגען עס אין מויל. פריהער פון אַלין, וויל ער, אַז מען זאָל גוט פאַרשטעהען, וואָס ער זאָגט. פערגלייכט איהם אַ שטייגער מיט פרי'ן, מיט יענעמ'ס געשליפענע, געקינצעלטע שפּראַך. יענער איז אַ עסטהעטיקער, דיא שפּראַך איז ביי איהם באַלד אַ צוועק, ניט בלויז אַ מיטעל. אבראמאָוויטש איז אָבער אַ פּראָסטער רבי פון אַ בעל מלאכה'שער שוהל'כין. אבראמאָוויטש'עס ניצליכקייט זעהט זיך אויך אַרויס אין זיין אויסלייגען דיא ווערטער. עס איז מערקווירדיג. ער דער גרויסער העברעער, לייגט אויס כמעט אַלע העברעאישע ווערטער אַזוי וויא זשאַרגאָן. ער זינדיגט געגען דער העברעאישער גראַמאַטיק — עס אַרט איהם ניט. ער ווייס, אַז ווייבער קענען קיין לשון קודש'דיגע ווערטער ניט לייענען ווען זיי לייגען זיך ניט אויס וויא זשאַרגאָן, שרייבט ער מיט אַ כיון אַזוי, אַז זיי זאָלען אויך פאַרשטעהען אַלע ווערטער וואָס ער געברויכט. מיר דאָ אין אַמעריקאַ, — בעונותינו הרבים, גאַנץ שוואַכע העברעער אין כלל גענומען, — לייגען דעם וואָרט גע'הרג'עט, למשל, אויס וויא העברעאיש: גימעל, עיין — אַ שטריכעלע, להבדיל בין קודש לחול — הרג — אקוראט נאָכ'ן בנין פּעל — נאָך אַ שטריכעלע און עס קומט דער חמיץ'דיגער „עט.“ ביי מענדעלען גייט דאָס אָבער צו פּראָסט. „געהארגעט“, אַזוי וויא ריין מאַמע־לשון. און אַזוי פיעלע אַנדערע ווערטער. דאָ איז נאָך צו דערמאָנען, אַז אבראמאָוויטש'ען האָבען מיר דאָס צו פערדאַנקען דיא גרינדונג פון דער ערשטער זשאַרגאָנישער צייטונג, צעדערבוים'ס „קול מבשר“ (אַדעס 1864). אבראַמאָוויטש האָט צעדערבוים'ען בעאיינפלוסט ער זאָל אַרויסגעבען דיא צייטונג, און ער איז געוועזן איינער פון זיינע ערשטע מיט־אַרבייטער.

אבראמאָוויטש'עס השכלה איז געגאַנגען אַ סך טיעפער, פּראַקטישער איידער די השכלה פון אַנדערע שרייבער. אַ פרץ סמאָלענסקין, אַ שטייגער, האָט געזעהען דעם גרעסטען אומגליק אין דעם חסידיזמוס, און ער האָט איהם בעקעמפפט מיט זיין שווערסטע אַרטילעריע. אבראמאָוויטש איז געוועזן אַ קינד פון אָרימען פאָלק, ער האָט אומגעוואַנדערט מיט דיא נידעריגסטע און דערשלאָגענסטע אידישע מאַסען. ער האָט זיך צוגעקוקט צום לעבען פון דיא אידישע מאַסען גרינדליכער איידער ווער עס איז, און ער האָט געזעהען, אַז ניט בילדונג און פּאַצעצעס דאַרף ער דער עיקר, נאָר אַ שטיקעלע ברויט,・אַ פּעדימעל פלייש. ער האָט געזעהען, אַז ניט פון דיא גוטע אידען ליידעט דאָס פאָלק אַזוי שרעקליך, נאָר פון דיא קהל־שטיבלאַך, פון דיא סבארשציקעס, דיא בעלי טאַקסעס, און דיא אַלע כלל־פערזאָרגער. ער האָט אויך געזעהען דיא דעמאָראַליזאַציאָן וואָס דיא פיינע בריות ברייגען אַריין אין דעם אידישען לעבען. אין אבראמאָוויטש'עס צייטען איז נאָך געגאַנגען דער בלוטיגער קאַפּיטעל „קאַנטאָניסטען“ אין דער אידישער געשיכטע, און ער שרייבט געגען דעם מיט דעם בלוט פון זיין האַרצען. דיא טאַקסע און דיא קהל'שע כנופיא — דאָס זיינען דיא צוויי אומגליקען אין אידישען לעבען געגען וועלכע אבראמאָוויטש האָט געקעמפפט מיט אַלע זיינע כחות. זיי בעפאַרבען זיין גאַנצע טהעטיגקייט.

דיעזע קריעגס־מעלאָדיע פערקלינגט דורך זיינע אַלע ווערק. פאַר דיעזען קאַמפּף זיינעם האָט מען איהם זעהר שטאַרק גע'רודף'ט.

דיעזער קאַמפּף האָט פון איהם אויך אַרויסגעבראַכט צוויי דראַמאַטישע ווערק: „דיא טאַקסע“ (1869) און דער „פּריזיוו“ (1884). עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז קיין דראַמען, אין דעם געוועהנליכען זינן פון דעם וואָרט זיינען זייביידע ניט, איבערהויפּט דיא ערשטע, וואו צווישען אַ פּערזאָנאַל פון איבער צוואַנציג מענשען, זיינען דאָ בלויז צוויי פרויען, אי דאָס זייטיגע.

דיא „טאַקסע“ איז נאַטירליך אַ קאַמפּף געגען דער פלייש־קאָראָבקע. דאָ ווערט געוויעזען וויא אזוי דיא „באַנדע שטאָדט בעלי־טובות“ זיינען אָרגאַניזירט אויף אַ מערקווירדיג פעסטען אופן, אַ שטייגער וויא אַ היגע „טעמעני האָל“, און וויא אזוי זיי זויגען אויס דאָס בלוט פון דעם פאָלק אויף דעם מערדערליכסטען אופן. דיא אָרגאַניזאַציאָן איז געבונדען און געקעטעלט. דיא הויפּטמאַכערס, דיא גבירים און דיא פּאָפּעטשיטעלעס, דיא „טובי־העיר“ שטעהען אויף דער שפּיץ, הינטער זיי שטעהען דיא קלענערע מאַכערס, דער בעל טאַקסע די געלאַסענע שוחטים און דיינים און דער שתדלן, דאָס הייסט דער „אַדוואָקאַט“ פון דיעזער שעהנער כנופיא, דער וואָס „פערשמירט“ אַ לאָך ווען מען דאַרף נאָר. הינטער זיי שטעהען גלאַט אַ באַנדע געדונגענע בויאַנעס,ביללערס, מוסרים, שלעגערס, וועלכע האַלטען אין צוויק אַלע עזות־פּנים׳ער און עהרליכע מענשען וועלכע בונטעווען זיך. אַ חוץ זיי איז דאָ אַ גאַנצע כאָפּטע מענשען וועלכע קוקען אַרויס אויף אַ טובה, אויף אַ ביינדעל פון דיא כלל־פערזאָרגער, און גלאַט בעלי הבתים, וועלכע ווילען מיט דיא קהל׳ס־לייט ניט איינרייסען. און דער המון עס ליידעט שרעקליך, שוידערליך. גאַנצע וואָכען נאָכאַנאַנד עסען זיי קיין פלייש ניט. פּאַרשטעהט זיך, אַז אַלע מאַכערס זיינען שעהנע אידען, פרום וויא דיא שטעקענעס. אָבער ניין, אויף איינעם פון דיא הויפּט־מאַכערס, ר׳ יודעלע שטאַנדהאַפט, טומעלט מען, אַז ער איז אַ שטיקעל אפּיקורס, ער קליידעט זיך אַביסעלע דייטשיש, און חברט זיך לפנים מיט היינטיגע יונגע לייט. דער „פּריזיוו“ איז שוין באַלד אַ פּיעסע. זיא איז פיעל בעסער וויא אַ סך פּיעסען וואָס ווערען ביי אונז געשפּיעלט. עס איז אין איהר דאָ אַ סוזשעט און עטליכע מענשען זיינען גאַנץ קלאָהר געמאָהלען. דיא געשטאַלט פון פּייבוש גאָט׳ס וואונדער, דער שדכן שוימט מיט לעבען. נאָר דאָ קומט פאַר דיעזעלבע זאַך וויא מיט „פּישקע דעם קרומען“; וויעבאַלד אַ סוזשעט מוזען דאָ זיין, אינטריגען, טעות׳ן, פּאַרפּיהרעניסען, און שונד.

.6

אַבראַמאָוויטש, האָב איך פריהער געזאָגט, האָט ניט בעשאַפען קיין קלאָהרע, פעסט־געשטעלטע, ברייטע טיפּען פון אידישען לעבען, אַזעלכע וואָס זאָלען אַרומכאַפּען אַ ברייטען קלאַס אידען, און וואָס זאָלען זיין אַזוי אַלגעמיין אָנגענומען, אַז וויא נאָר מען זאָל זיי דערמאָנען ביים נאָמען, זאָל מען גלייך וויסען וואָס פאַר סאָרט מענשען מען מיינט, אַ שטייגער ווי מען זאָגט אַרויס „האַמלעט“, אָדער „דאָן קיכאָט“. איין טיפּ, האָט אָבער אַבראַמאָוויטש יא בעשאַפען, הגם ער איז פון אַ בעזונדערען סאָרט. דיעזער טיפּ איז מענדעלי מוכר ספרים.

„מענדעלע מוכר ספרים“ איז אַבראַמאָוויטש׳עס פּסעוודאָנים, דאָס איז אָבער ניט בלויז אַ פאַלשער ליטעראַרישער נאָמען. דאָס איז אַ פיגור, אַ מעכטיגע, אַ שטאַרקע, אַ קלאָהרע, מענדעלע, איך האָב שוין פריהער אָנגעדייטעט, איז גאָר ניט דאָס זעלבע וואָס אַבראַמאָוויטש אַליין. דאָס איז אַ בעזונדער מענש, וועלכער עקזיסטירט אויסער אבראַמאָוויטש׳ען און אָבגעטהיילט פון איהם, פונקט אזוי אָבגעטהיילט וויא אַבראַמאָוויטשעס אַנדערע העלדען: וויא הערשעלע אָדער פישקע דער קרומער, אָדער יצחק אברהם תקיף. מענדעלע ווערט מייסטענס געמאָהלען בלויז אין דיא הקדמות צו דיא ביכלעך, אָבער אין דעם „קליין מענשעלע“ איז ער אַ בעוועגענדיגע פיגור אין דער ערצעהלונג גופא, און אין „פּישקע דעם קרומען“ איז ער אייגענטליך דיא וויכטיגסטע געשטאַלט און פון דיא אַלע הקדמות מיט דיא צוויי ביכלאך בעקומען מיר זייער אַ קלאָהרען, אינטערעסאַנטען, טיעפען ברייטען מענשען, וועלכער פאַרטרעט מיט זיך אַ גרויסען טהייל פון דיא קליין־שטעטעלדיגע אידען. אין דעם הינזיכט איז מענדעלע מוכר ספרים ניט בלויז אַ מערקווירדיגער, נאָר אויך אַ פאָלקאָמענער טיפּ.

אבראמאָוויטש האָט זיין ר׳ מענדלען אויסגעמאָהלען זעהר קלאָהר, ניט נאָר זיין גייסט, נאָר אויך זיין פּנים, וויא ער זאָגט אויף זיך עדות אין דער הקדמה צום „קליין מענשעלע.“

„מיין שטערן איז א הויכער מיט א סך קנייטשען; און מיינע נאָזלעכער זיינען זעהר גרויסע און עפּעס משונה. אז איך קוק מאך איך דערביי צו אביסעל דיא אויגען וויא א קורצזיכטיגער, און אז איך פערציה דיא ליפּען זעהט עפּעס אויס וויא איך שמייכעל מיט שטערענדיג געלעכטער־יל“.

און דיעזער איד מיט דעם שטערן פון אַ תלמיד חכם, מיט דיא דזשיקקייט פון אַ קליין־שטעטעלדיגען אַלט־מאָדישען אידען אין זיין

פּנים, און מיט דעם שטעכיגען שמייכעל פון אַ קלוגען טרוקענעםמתנגד, פאָהרט אַרום מיט ספרים, סגולות, שמירה'לאַך, אַביסעל היינטיגע זאַכען, מעש און קופּער־וואַרג אין זיין ביידעל און שידוכים אין זיין קאָפּ פון שטעדטעל צו שטעדטעל איבער ליטאָ און פּוילען, קוקט זיך צו צו אַלץ, קלייבט אָן אַ גבאי'ס בעל־הבתישע פילאָזאָפיע, אַ סך ווערטלאַך, באמערקונגען, זיפצען און קרעכצען און איינדריקע פון דעם ביטערען, משונה־אוננאַטירליכען אידישען לעבען. אָבער ער איז ניט בלויז אַ פּאַסיווע פּערזאָן, ער איז אַקטיוו. ער האָט אַ שם פאַר זיין הכמה, ער שפּיעלט אַ ראָליע אלס מוכר ספרים. אַמאָל דרוקט ער אליין אָפּ אַ ביכעל אויך, און וואו ער קומט לייגט ער זיך גלייך אריין אין שטעטעלדיגע זאַכען, און העלפט איינפיהרען תקנות.

מענדעלי איז אַ בעל יושר, האָט אַ גלאַטען קאָפּ, ווערט פון אַלץ וועניג וואָס נתפּעל, ער האָט שוין זיך אָנגעזעהען גענוג אַזעלכע זאַכען אויף דער וועלט. ער האָט זייער ליעב אַמאָל עמיצין אַ שטאָך צו געבען, נאָר אַז ער זעהט, אַז ער האָט געטראָפען, און יענעם טהוט וועה פאַרדריסט שוין איהם. ער שטעהט צווישען דיא יונגע און דיא אלטע. דאָס הייסט ער איז טאַקע אַן אַלטער, אָבער אַ קלוגער אַלטער, דערפאַר פאַרשטעהט ער זיך אַ אַ ביסעל אויך אויף דיא יונגע. ער ווייס זיין אייגענע ווערדע, און פיהלט זיך טאַקע אַ ביסעלע ברייטלאַך מיט פּראָסטע מענשען. ער קען אויסקומען מיט יעדען מענשען, ווייס וויא צו רעדען מיט אַ מורה הוראה און מיט אַ גראָבער ישוב'ניצע. אַז מען דאַרף קען ער געבען אַ הניפה'לע אויך. און וואו ער קומט, ווערט דאָרט עפּעס ליכטיג אין דיא אויגען. זייער אַ בעהאַנטער זאַך מענדעלע, ער ברייננגט שטענדיג נייעס, אגב איז גלאַט גוט צו ריידען מיט אַ קלוגען אידען. הכלל מענדעלע איז אַ הכם־עתיק, אַ לאַנד־הכם.

און דיעזען ר' מענדעלע נוצט דאָס אבראַמאָוויטש אויס, ער זאָל זיין דער אויסזעהער, דער וועג־ווייזער פון דיא לעזער און זיי פיהרען בכל תפוצות ישראל און פאָרשטעלען זיי, פאַר איהם, פּונקט וויא גאָגאָל'ס טשיטשיקאָוו פיהרט אַרום דיא לעזער פון דיא „טויטע זעעלען“ פון איין פּריץ צום אַנדערען, און פון איין דאָרף אין צווייטען.

אויף אזוי ווייט איז מענדעלע אַ טיפּ, אַ ברייטער, אַ רייכער, און ער לאָזט אַריין אַ סך וואָרצלען אין דעם לעבען פון דעם אידישען פאָלק. דיא לעזער זעהען איהם פאַר דיא אויגען, און דערמאָנען זיך אויף אַ סך עהנליכע צו איהם. און דער פאַקט איז, אַז פון אלע פיגורען וועלכע אבראַמאָוויטש האָט בעשאַפען איז זיין מענדעלע דער בעקאַנטעסטער. וויא מען זאָגט נאָר ארויס: שלום יעקב אבראַמאָוויטש, אזוי דערזעהט מען מענדעלען זיצענדיג אויף דער קעלניע פון זיין ביידעל.

איין חסרון האָט נאָר מענדעלע, וואָס ער איז ניט שטענדיג דערזעלבער. דאָס הייסט ער איז אַ טיפּ וואָס נעהמט אָן אַביסעל פאַרשיעדענע געשטאַלטען. געוועהנליך איז מענדעלע אַ קלוגער, אַ מאָל איז ער אָבער תם'עוואַטע אויך. אין „פישקע דעם קרומען“ איז ער אי אַ פּאַטריאַרך, אי אַ גוטער־ברודער. און אין „קליין־מענשעלע“, ווען ער שלאָגט דעם פערדיל פאַר וואָס איהם האָט זיך פאַרוואָלט גלופּסק, איז ער שוין אַ פּראָסטער בעל עגלה. ווען ער נעהמט אַביסעל בראַנפען אין „פישקע דעם קרומען“ איז ער גאָר עהנליך צו אַן אַלטען ישובניק, וואָס עסט אַ סך סמעטינע, און אין „קליין מענשעלע“ ווען ער זיצט ביים רב, מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ דיין. אין „פישקען„ איז ער אַ פרומער איד, אין דער הקדמה צו הערשלען איז ער שוין אָבער וויכער.

צו יעדער צייט אָבער איז ער כיטרע, וויצעלדיג. אבראַמאָוויטש דערצעהלט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז אין אַן ערך צו 15 יאָהר, באַלד ווי ער האָט אָנגעשריעבען זיין ערשטע ערנסטע געדיכט, האָט זיך ביי איהם שוין געיאוועט דיא לוסט צו שפּעטען, אלזאָ שוין דאַן איז ביי אבראַמאָוויטש'ען געבאָרען געוואָרען מענדעלע, דער אידישער מעפיסטאָפעל, וועלכער לאכט אָפּ שמעכט זיך, לאָזט אריין שפּילקעס, כיטרעוועט. ער מאַכט חוזק פון אַלץ, פון גלויבען, פון דעם אידענס כיטרעווען מיט גאָט, פון דעם מענשליכען פּראָגרעס, פון דיא מורא'דיגסטע קאָפּ־העלדען. ער איז פול מיט ספקות און ווען ער דערזעהט דיא מאַכטלאָזיגקייט פון מענשליכע חכמה רייבט ער אַזש האַנד אין האַנד פון נצחון. אָבער אַז ער איז אַ אידישער מעפיסטאָפעל, און זיין הארץ איז אויך פול מיט רחמנות און וועהטאָג פאַר דיא אידישע און אלל־מענשליכע צרות.

.6

דער „פּריזיוו“ איז דאָס לעצטע גרויסע ווערק וואָס אבראַמאָוויטש האָט אָנגעשריעבען. פון דאַמאַלס אָן, אַ קימאַ לן פון 21 יאָהר, האָט ער אָנגעשריעבען איינציגע קליינע סקיצען, איבערזעצט זיינע זשאַרגאָנישע זאַכען אין העברעאיש, צוגעשריעבען אַ קאַפּיטעל צו דער קליאַטשע“. אָבער דאָס זיינען אַלץ קלייניגקייטען, פּאַקטיש האָט ער שוין דאַן אויפגעהערט שרייבען.

אין זיין פאָררעדע צום פּריזיוו רעדט ער שטאַרק וועגען דיא טרויעריגע לעצטע עראייג־ניסע (דיא פּאָגראָמען פון 1881 — 1882). קענ־טיג אז זיי האָבען אויף איהם שטאַרק געווירקט, און נאָר ווייל א פריינד האָט איהם זעהר געבע־טען האָט ער אָנגעשריעבען דעם „פּריזיוו." דיא פּאָגראָמען האָבען ניט בלויז געווירקט אויף אבראַמאָוויטש'ען דערמיט וואָס זיי האָבען אין איהם ארויסגערופען טרויער, נאָר קענטיג אויך דערמיט וואָס זיי האָבען גאַנצען ביי איהם, וויא ביי אַלע משכילים, צוגענומען דעם באָדען פון אונטער דיא פיס. עס זיינען דאָ מענשען וואָס ווען זייער וועלט־אַנשויאונג פּלאַצט, קענען זיי דאָך דאָס אויסהאַלטען, זיי געוויינען זיך איין מיט א נייע וועלט־אַנשויאונג, און זיי ארבייטען אין איינקלאַנג מיט איהר. ניט אַלע אָבער קענען דאָס. ניט אַלע כאַראַקטערען זיינען מסוגל צוויי מאָהל אין לעבען הינרייסען זיך מיט אידעאַלען. פיעלע משכילים זיינען נאָך דיא פּאָגראָמען גע־וואָרען ציוניסטען. אַנדערע זיינען אפשר גע־וואָרען רעוואָלוציאָנערען. אבראַמאָוויטש איז וויא עס שיינט ביידע זאַכען ניט. ער איז געווען צו פּראַקטיש צו ווערען א ציוניסט, און אפשר צו אַלט און צו פיעל איד צו ווערען א סאָציאַ־ליסט.

י. ענטין.

אַזיאַטישע חכמות

וויא אן עזעל שלעפּ משא,
וויא אן אָקס ציה דעם אקער!
און כבוד און גדולה וועסט דו האָבען
און דו וועסט ווייט אוועק!

ליידענשאַפטען זיינען אין אנפאַנג וויא שפּינען, לאָז זיי נור א ווײלע, און פון דיא דיי־נינקע פעדימלעך ווערן גאַנצע שטריק.

אויב דיין אייגענע היים איז געוואָרען פאַר דיר א גיהנם, טראַג עס אריבער מיט געדולד. דו ביזט אליין שולדיג, ווארום יעדער מאן האָט א ווייב, וועלכע ער איז ווערטה.

אן אמת בגייבט אן אמת, כאָטש ער מעג שטאַמען פון שמוציגסטען בעל עבירה'ניק.

רכילות איז א דרייפאַכע גיפט: זיא טויטעט דעם וואָס טראַכט איהר אויס, דעם ווער עס פערשפּרייט איהר און דעם, פאַר וועמען זיא איז געשאַפען.

אויב דו ווילסט, אז דיינע קינדער זאָלען זיין געראָטהען, האַלט זיי ווייט פון וויין און בראַטען.

ווען דו שמעקסט א גוטען ביסען, אָדער א גוטען טראָפּען, אייל זיך אונטער! דאָס לעבען איז א סעודה און אייב דוא לאָזט אריבער דעם בראַטען וועסטו מאָרגען מעהר ניט בעקומען.

איבערזעצען ווערטליך, הייסט אוועק־הרג'ענען דעם זינן.

א יונגען אָקס אין חודש מאַי, לאָז בעסער פאַרביי. ביי איהם אין אקען זיצט א שד און זיינע הערנער, אי גיבען זיי א כאַפּ!

די נשמה און דער גוף פון דער ארבייטער-בעוועגונג

(צו דער קאָנוועגשאָן פון „ארבייטער רינג“).

אין דעם ערשטען צירקולאַר, וואָס דער „אַרבייטער רינג“ האָט אַרויסגעגעבען, ווען איך האָב געהאַט דיא עהרע צו גרינדען דיא פעראייניגונג פון זיינע ברענטשעס אין אַ'ן אָרדען, האָב איך געזאָגט, אַז דער „אַרבייטער רינג“ האָט אַ גוף און אַ נשמה: זיין גוף איז זיין בענעפיט־סיסטעם; זיין נשמה איז זיין אידעאַלע פּרינציפּיעלע אויפגאַבע. דיעזעס וואָרט פון דעם „גוף מיט דער נשמה“ איז געבליבען איינגעוואָרצעלט אין דיא ליטעראַטור און אין דיא אַגיטאַציאָן פון אַרבייטער רינג און ווערט געברויכט ביי יעדע געלעגענהייט.

אין דערין ליגט אַ גאַנצע פּראָגראַמע. אַ וויכטיגע פּראָבלעמע איז פערוויקעלט אין דיעזען אויסדרוק.

מיט איניגע וואָכען צוריק איז אין אייגעם פון דיא סאָציאַליסטישע לאַנדסלייטס פעראיינען געוועזן אַ דיסקוסיאָן, אויב דער פעראיין זאָל איינפיהרען בענעפיטס. דיא אידעאַליסטען האָבען געשריען: חלילה! — טשעפּעט ניט! דאָס איז אַ אידעאַליסטישער פעראיין, זיין אויפגאַבע איז אַ פּרינציפּיעלע, מיר ווילען פערשפּרייטען בילדונג, ענטוויקלונג, אויפקלערונג, רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען. אַז מיר וועלען איינפיהרען בענעפיטס, וועלען זיך באַלד אַריינכאַפּען אַזעלכע, וואָס וועלען ניט מעהר זוכען וויא בענעפיטס און אונזער אידעאַלע אויפגאַבע וועט אבגעשוואכט ווערען. און מיר אַליין וועלען אויך פערנעהמען אונזערע מיטינגען מיט טענות וועגען דאָלאַרס און סענטס, וועגען קראַנקע, טויטע, דאָקטוירים, קרקע און מצבות און אונזער פּרינציפּ וועט פערגעסען ווערען

איניגע אָבער האָבען גע'טענה'ט, אַז דיא בענעפיטס וועלען שטאַרקען דעם פעראיין און איהם פערהיטען פון צופאלען ווערען. געוואונען האָט אָבער דער ערשטער צד. דער פעראיין איז פערהיט געוואָרען פון בענעפיטס.

אַ מיטגליעד פון דעם פעראיין האָט מיך געפרעגט אין דיא „מאָרגען צייטונג“, וועלכער צד איז גערעכט? איך האָב איהם געענטפערט, אַז אודאי וואָלט גלייכער געוועזן, אַז עס זאָלען זיין, און לאַנג בעשטיין, סאָציאַליסטישע פעראיינען, וואָס זאָלען זיך ניט דאַרפען אָבגעבען מיט קיין אַנדערע זאַך נאָר מיט דעם אידעאַל. אָבער דיא ערפאַהרונג האָט געצייגט, אַז אַזעלכע פעראיינען האָבען קיין קיום ניט. פון דער אַנדערער זייט האָט אָבער דיא ערפאַהרונג געצייגט, אַז דער „אַרבייטער רינג“, וועלכער האָט בענעפיטס, האָט אַ פעסטען קיום. אמת, אין איהם שוואַכען טאַקי אָב דיא בענעפיט־ביזנעס זיין אידעאַלע אויפגאַבע, אָבער אָבגעשוואַכט איז דאָך אַלץ ווייניגער שלעכט וויא אָבגעשטאָרבען. פעראיינען אָהן בענע־

פיטס שטארבען אין גאנצען אב און זייערע אי־דעאלען מיט זיי.

אט דאס איז דער פונקט וועגען דעם גוף מיט דער נשמה !

עס איז דיא אלטע געשיכטע וואס בלייבט אימער נייע : דיא מלחמה, אין דעם מענשענס איינבילדונג, צווישען „גשמיות“ און „רוחניות“, צווישען „גייסט“ און „פלייש“, צווישען אידעאל און ווירקליכקייט.

* * *

פריי שוועבט ארום דעם מענשענס פאנ־טאזיע. צו איהר פארשטעללונגס־קראפט איז קיין גרענעץ ניטא. דער וואונש, דער פאטער פון געדאנקען, איז זעהר פרוכטבאר. זיינע קינדער, דיא געדאנקען, זיינען ניט אונטער־ווארפען אונטער דעם נאטור־געזעץ פון אלע לעבעדיגע בעשעפענישען, דאס א גרויסער טייל פון זיי מוז אויסשטארבען, און נאר דיא וואס האבען זיך אם בעסטען צוגעפאסט צו דיא אומ־שטענדען, דיא „פיטטעסט“, לעבען איבער. דיא געדאנקען־קינדער פון פאטער־וואונש קע־נען אלע „איבערלעבען“.

אבער נאר אזוי לאנג, וויא לאנג זיי שוועבען ארום פריי אויף דיא פליגלען פון דיא פאנטאזיע, אין דעם פרייען, אונענדליכען, אונבעגרענצטען רוים פון דער פארשטעלונג.

וויא נאר זיי שלאגען זיך אבער אן אן האר־טע פאקטען פון ווירקליכען לעבען, ווערט אין זיי א שרעקליכע הריגה. זיי נעהמען זיך דאן אן מיט דיא טויטליכע מגפה פון בשר־ודם, וועל־כע שטארבען אויס אין מאסען, און נאר דיא אמבעסטען צוגעפאסטע לעבען איבער.

אבער דער טאטע פון דיעזע געדאנקען־קינדער, דער וואונש, ליעבט זיינע עופ'י'עך זעהר, און דעריבער איז ער, דער וואונש, געניגט צו האבען זייער אונבארמהארציגען מערדער, דיא הארטע ווירקליכקייט.

אט דאס איז דיא אורזאכע, פאר וואס דער וואונש האט אימער פעראכטעט און גע־האסט דיא הארטע ווירקליכקייט. דאס איז דער סוד פון דעם, וואס דיא „חומריות“, דיא „גשמיות“ איז פון דיא פאנטאזיע אלע מאל געהאלטען געווארען פאר געמיינע, שמוציגע זאכען, וואס זיינען ווערט אויסגעראטעט צו ווערען.

דער גוטער, עדעלער וואונש פון דעם גוטען עדלען מענשען צווישען דיא פארצייטיגע האט געבוירען אין איהם דיא געדאנקען, אז עס איז דאך אזוי הערליך שיין, אזוי איידעל, צו לעבען אין דיא הויכע וועלטען פון רעיונות, אין דיא רעטענישען פון דער וועלט, פון דער נא־טור. אזוינע הייליגע רעיונות האט ער גע־רופען „בעהעפטען זיך אן גאט“, — „דבקות“.

און ער האט געזעהען, אז בשעת ער שוועבט ארום פריי אין דיעזע הויכע וועלטען, בעווייזט זיך איהם פלוצלונג דיא הארטע ווירקליכקייט אין דיא געשטאלט פון הונגער, דורשט, לוסט, בעגעהר. מיט ווילדע אויגען קוקט איהם אן דיא ווירקליכקייט און לאכט שפעטיש פון זיינע זיסע חלומות, און גראב כאפט זיא איהם אן און טהוט איהם א שליידער אראב פון זיינע הויכע הימלען אין טיעפען אב־גרונד.

און ער האט דאס א נאמען געגעבען : דער קאמפף צווישען דיא נשמה און דעם גוף, צווישען גייסט און קערפער, צווישען רוחניות און גשמיות.

און ער האט געמיינט, אז דער מענש דארף זיך שטעלען פאר אויפגאבע, צו טוי־טען דעם גוף כדי דיא נשמה, זיין געגנערין, זאל לעבען. צו פערניכטען דיא גשמיות, כדי איהר שונא, דיא רוחניות, זאל זיין פריי.

„התפשטות הגשמיות“, אויסטהאן זיך פון דער גראבער ווירקליכקייט, דאס איז געווען טויזענדער יאהרען דיא הייליגסטע אויפגאבע, וואס איז געפרעדיגט געווארען דעם מענשען דורך דיא עהרליכע, ערנסטע פון דיא פרעדי־גער פון אלע רעליגיאנען.

וואס איז אבער ארויסגעקומען דערפון ?

א נשמה אהן א גוף קען ניט עקזיסטירען. ווען דער גוף איז פערניכטעט געווארען, איז קיין נשמה אויך ניט געווען. האט זיך אבער דיא נשמה געוואלט האלטען, האט זיא געמוזט זיך היטען, ניט צו גיין צו ווייט אין איהר קאמפף מיט'ן גוף. זיא האט איהם געמוזט שטעכען און ניט דערשטעכען, מוטשען און ניט פער־מוטשען. און וויה צו דעם מענשען, וואס פיהרט אויף אזא אופן א קאמפף מיט א חיה רעה ! ער רייצט זיא נאר אן אויף זיך און בריינגט דערצו, אז זיא זאל איהם צופלי־קען !

אלזא, איז דער סוף פון דעם קאמפף פון דער נשמה מיט דעם גוף געווען, אז דיא גראב־הייט פון דעם גוף איז גערייצט געווארען ביז צום העכסטען גראד און ער האט דיא איידעלע נשמה גאר צוריסען . . . .

פון דיא טיעפסטע רעליגיעזע בעגייסטע־רונג און „אויסגעטהאנקייט פון דער וועלט“ ביי איינינגע האט זיך אויסגעלאזט דיא ניעדעריגס־טע, געמיינסטע, שמוציגסטע גראבקייט ביי אלע, און אפט אויך ביי דיא איינינגע . . . .

און דער מוסר השכל ?

דיא נשמה קען דעם גוף ניט טויטען און אליין בלייבען לעבען ! אזוי וויא לעבען לאָזען מוז מען דעם גוף, לוינט זיך איהר ניט צו האָבען מלחמות מיט איהם. בעסער איז דיא נשמה זאָל מאַכען שלום מיט דעם גוף, דאַן בלייבט דיא נשמה ביים גוף, און ברייננט אין איהם אריין קרעפטען און איהם גיט זיא דאפיר איהרע ווייסע פליגעל און הייבט איהם אויף אזוי ווייט וויא מעגליך ! עס איז שווערער צו פליהען מיט איהם ? אמת ! אָבער אָהן איהם קען זיא גאָר אוועקפליהען אין עולם־הגאָרנישט....

* * *

דיזעלבע אַלטע געשיכטע איז וויעדער ניי אין דער ארבייטער־בעוועגונג :

דער גוטער איידעלער וואונש פון דעם גוטען איידעלען סאָציאַליסט האָט געבוירען אין איהם דיא געדאַנקען, אַז עס וואָלט דאָך געווען אזוי שיין, אזוי איידעל, צו לעבען אין דיא הויכע וועלטען פון דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל. ווארום זאָלען זיך ניט אַלע מענשען פעראייניגען בלויז פאַר דיא פערשפרייטונג און פערווירקליכונג פון דיעזען הייליגען, שיינעם אידעאַל ? איז דען ניט כדאי צו פערגעסען צוליעב איהם אָן אַלע קליינליכע, גראָבע הבל הבלים פון דיעזע שרעקליכע שלעכטע וועלט ?

און ער זעהט, אַז ווען ער שוועבט ארום פריי אין דיעזען הויכען אידעאַל, בעוויזט זיך איהם פלוצלונג דיא הארטע ווירקליכקייט אין דיא געשטאַלט פון אַלערליי בעדירפניסע פון דעם אויגענבליק. מיט ווילדע אויגען קוקט איהם אָן דיא ווירקליכקייט, און לאַכט פון זיינע זיסע חלומות, און גראָב כאַפּט זיא איהם אָן און טהוט איהם אַ שליידער אראָב פון זיינע הויכע הימלען אין טיעפען אבגרונד.

און ער רופט דאָס אַ קאַמפּף צווישען דעם אידעאַל און דיא אויגענבליקס־אינטערעס.

דער אידעאַל איז פאַר איהם וואָס דיא נשמה און דיא אויגענבליקס־אינטערעסע— וואָס דער גוף ביי דיא רעליגיעזע.

און ער מיינט, אַז דער סאָציאַליסט דאַרף זיך שטעלען פאַר אויפגאַבע, צו טויטען דעם גוף, כדי דיא נשמה, זיין געגנערין, זאָל לעבען. צו פערניכטען דיא אויגענבליקס־אינטערעסע, כדי איהר שונא, דער אידעאַל, זאָל זיין פריי

וואָס קומט אָבער ארויס דערפון ? אַ נשמה אָהן אַ גוף קען ניט עקזיסטירען. וואו דיא אויגענבליקס־אינטערעסען ווערען פערנאַכלעסיגקייט; דאָ פערשווינדעט סוף כל סוף דער אידעאַל אויך. וויל זיך אָבער דער אידעאַל האַלטען, מוז ער זיך היטען, אַז ער זאָל דיא אויגענבליקס־אינטערעסען ניט אין גאַנצען דערשלאָגען. ער מוז זיי לאָזען לעבען, ער מוז זיי דיענען. און ווען ער מאַכט זיין אידעאַל אייביג האַסען זיי, אייביג קעמפּפען מיט זיי, איז דער סוף, אַז דיא שטאַרקערע אויגענבליקס־אינטערעסען ווארפען זיך אויף זייער ביטערען געגנער, דעם אידעאַל, און צופליקען איהם גאָר אין גאַנצען ! . . . .

פון דעם העכסטען סאָציאַליסטישען אידעאַליזמוס און אויסגעטהאָנקייט פון דער וועלט ביי אייניגע לאָזט זיך אוים דער גרעבסטער עגאָאיזמוס און גלייכגילטיגקייט ביי אַלע, און אָפט אויך ביי דיא אייגענע . . . .

און דער מוסר השכל ?

דער אידעאַליזמוס קען דיא אויגענבליקס־אינטערעסען ניט טויטען און אליין בלייבען לעבען ! אזוי וויא בעזאָרגען זיי מוז ער, לוינט זיך איהם ניט צו האָבען מלחמות מיט זיי. בעסער איז צו מאַכען שלום מיט זיי, צו בלייבען אין דער וועלט וויא זיא איז, אריינצוברייננען אין איהר גופא דיא איידעלקייט פון אידעאַליזמוס. בעסער צו נעהמען פון דיא פערזאָרגונג פון דיא אויגענבליקס־אינטערעסען זייערע שטאַרקע קרעפטען און אויפצוהייבען זיי ארויף אזוי ווייט וויא מעגליך ! עס איז שווערער צו פליהען מיט זיי ? אמת ! וואו מען קוקט אויף אויגענבליקס־אינטערעסען איז טאַקי דער אידעאַל שוואַכער. אָבער מען קען זיך ניט העלפען ! אָהן פערזאָרגונג פון אויגענבליקס־אינטערעסען קען דער אידעאַליזמוס אוועקפליהען אין עולם הגאָרנישט....

* * *

אָט אין דיעזען זין האָב איך געמיינט דאָס וואָרט וועגען „דיא נשמה און דעם גוף פון ארבייטער רינג".

געוויס, עס קען ניט געלייקענט ווערען, אַז דיא בענעפיטס האָבען אריינגעצויגען אין „ארבייטער רינג" אזעלכע, וואָס זוכען ניט מעהר וויא דאָס. און עס קען אויך ניט געלייקענט ווערען, אַז אפילו דיא אידעאַלערע פריינדע פערלירען אויף זעהר פיעל צייט פערהאַנדלענדיג וועגען דיא בענעפיטס. דאָ איז דער גוף טאַקי אַ בליי־געוויכט אויף דיא פליגלען פון דער נשמה.

אָבער דאָך, אַז עס איז דאָ אַ גוף איז דאָ וואו אַ נשמה זאָל זיך האַלטען !

אין דערזעלבער צייט, ווען דער „ארבייטער רינג" האָט זיך אזוי גרויסאַרטיג צובליהט און צו־וואַקסען — וויפיעל צעהנדליגע פעראיינען, פעראייניגונגען, סאָסייעטיס — ריינע נשמות — זיינען אוועק אהין, וואו ריינע נשמות פליהען : אויפ'ן „עולם האמת" . . . .

דיעזע גאַנצע פילאָזאָפיע וואָלט אפשר ניט ווערט געווען דיא מיה, ווען זיא וואָלט זיך נור בעצויגען אויף דיא פראגע: צו זיינען בעסער סאָציאַליסטישע פעראיינען אָהן בענעפיטס צו מיט בענעפיטס?

אָבער גאַנץ דיזעלבע געדאַנקען פּאַסען זיך צו אויף אַ פיעל וויכטיגערע פראגע, וועלכע דאַרף אויך אינטערעסירען דעם „אַרבייטער רינג" ביי דיעזער קאָנווענשאָן.

דאָס פּאַסט זיך נעמליך אויף דיא פראגע: זאָל דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג נאָר פליהען הויך צו דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, אָדער זאָל זיא זיך בעטהייליגען אין דיא קעמפּפע פון דעם טאָג און זעהען צו קריגען מאַכט, צו דיענען דיא אַרבייטערס טאָג־טעגליכע אינטערעסען?

קורץ איז דאָס דיא פראגע: „אַנאַרכיסטישע אָדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טאַקטיקע?"

לעזט נאָך אַ מאָל איבער אַלץ וואָס אויבען איז געזאָגט, און פּאַסט דאָס צו אויף דיעזע פראגע. איהר וועט זעהען, אַז אויב ביי אייך בלייבט ניט אַלץ דער וואונש דער פאטער פון געדאנקען, וועט איהר מוזען קומען צו דער איבערצייגונג, דאָס דיא איינציגע ריכטיגע טאַקטיק איז דיא סאָציאַלדעמאָקראַטישע וועלכע פעראייניגט דיא נשמה מיט דעם גוף פון דער אַרבייטער־בעוועגונג

ב. פייגענבוים.

איבער דער וועלט.

דיא נייע איבערגאנגס־פעריאָדע אין רוססלאנד. דיא דומא. דער באנקראָט. דיא וואהלען און דער זיעג פון אָפּאָזיציאָן. — דיא אונאבהענגיגע ארבייטער־פּאָליטיק און דיא אמעריקאן פעדערוישאן. דער גרויסער מאינער־סטרייק און ניט סטרייק. — אונזערע דריי רעוואָלוציאָנערע געסט.— דיא העצע געגען גאָרקי. — דיא קאָנווענש אָן פון ארבייטער־רינג. —וועגען זיך אליין. — אונזערע נייע פּלענער.

אין רוסלאַנד איז וויעדער אָנגעקומען אן איבערגאַנגס פעריאָדע, אַ בין השמשות צייט. דעם מאָל קומט דער איבערגאַנג, מאפלה לאור, פון דער שוידערליכסטער, פינסטערסטער רעאַקציאָן צו דער ליכט און זיעג פון דער רעוואָלוציאָן.

פיער חדשים האָט געדויערט דער זיעג פון דער רעאַקציאָן, דיא זעלבסטהערשונג פון דער תליה. פיער חדשים האָבען דיא משרתים פון דער דעספּאָטיע געקענט גלויבען, אָדער איינריידען אַנדערע, אַז זיי האָט זיך איינגעגעבען גובר צו זיין און צו בעגראָבען דיא רעוואָלוציאָן.

דיא האַלטונג פון דער רעגיערונגס באַנדעם אין דער לעצטער צייט, דיא חוצפה מיט וועלכע זיי האָבען ניט נור געטראָטען מיט דיא פיס, נור זאָגאַר אָפּיציעל אָבגעשאַפּט דיא אַלע „פרייהייטען“ און „רעכטע“ פון דיא „קאָנסטיטוציאָן“ פון 30 אָקטאָבער, האָט געוויעזען, דאָס זיי גלויבען אין אמת'ן, אַז דיא רעוואָלוציאָן איז בעזיעגט, און אַז איצט האָבען זיי מעהר ניט וואָס זיך צו בעהאַלטען און איינצוהאַלטען. ניטאָ פאר וועמען מורא צו האָבען.

אין צעהנדליגער טויזענדער רעכענט זיך דיא צאָהל פון איהרע קרבנות: דיא פאַרשפּאַרטע אין דיא טורמעס און פעסטונגען, דיא פערשיקטע קיין סיביר, דיא פאַרמוטשעטע און געפייניגטע, דיא געשאָסענע, געהאַנגענע. אין איין טאָג זיינען פאָרגעקומען הינריכטונגען אין טאַמבאוו, ריגא, ווארשאו, באטום, מיטאווא און טיטשא. אין אזוינע טעג זיינען אין דיא לעצטע צייט געוועזן אזוי פיעל, וויא פיעל זיי רעכענען זיך אין לוח.

אויסער הינריכטונגען פון איינצעלנע האָבען זיך ענטוויקעלט אין דיא לעצטע צייט דיא הינריכטונגען פון מאַסען דורך דיא אזוי גענאַנטע „פליהענדע שטראָף עקספּעדיציאָנען“, דיא נייעסטע ערפינדונג פון דער בלוטדורשטיגער דעספּאָטיע. דיא „פליהענדע עקספּעדיציאָנען“ וועלכע באשטעהען פון אָפיציערען מיט אַ אטריאַד סאָלדאַטען „פליהען ארום“ פון אָרט צו אָרט, וואו מען דאַרף בעשטראָפען און מאַכען תחת־חרב פון אַלץ און פון אַלעמען.

דיא „פליהענדע עקספּעדיציאָנען“ האָבען ניט געשטערט דיא מערדער פאָרטצוזעטצען זייער אלטע מאָרד און צושטערונגס ארבייט דורך דיא אָרגאַניזירטע הוליגאַנעס און שוואַרצע מאה'ניקעס. עס איז בעוויעזען געוואָרען דורך אונצעהליגע פאַקטען, אַז פון דיא רעגיערונגס־דרוקערייען, פון דיא רעגיערונגס אינסטיטוציאָנען איז סיסטעמאַטיש פאָרבערייט און פערשפּרייט געוואָרען דיא אָרגאַניזירונג פון נייע שחיטות.

און אזוי האָט דיא שרעקליכסטע בלוטהערשאַפט זיך געצויגען פון וואָך צו וואָך. דורך בלוט און פייער, דורך מאָרד און רויב, דורך דיא שוידערליכסטע געוואַלדטהאַטען און מערדערייען האָט דיא זעלבסטהערשונג געלאָזט פּראָקלאַמירען איהר זיעג: זאָלען אַלע פיהלען, אַז דיא רעוואָלוציאָן איז בעגראָבען.

און ווען דער זיעג פון דיא רעאַקציאָן איז שוין געוועזן גענוג בעקאַנט, האָט זיא גענומען אויך אָפּיציעל אָבשאַפען אַלע פרייהייטען. איינגעפיהרט געוואָרען פון דאָס נייע איז דיא צענזור. אָבגעשאַפט געוואָרען אין גאַנצען איז דיא פערזאַמלונגס פרייהייט. דיא רעכטע און פונקציאָנען פון דער דומא זיינען בעשריינקט געוואָרען פיעל מעהר. אַ שבועה פון טרייהייט צום „סאַמאַדערזשעץ“ איז ערקלעהרט געוואָרען אלס די ערשטע בעדינגונג פאַר יעדען דעפּוטאַט.

און נאָכדעם, וויא דאָס אַלץ איז שוין אָבגעטהון געוואָרען, נאָכדעם וויא מען האָט דורך דיא ערמאָרדונג פון קאַפּיטאַן שמידט און אַנדערע און דורך דיא האארשטרייבענדע פייניגונגען פון דיא ארעסטירטע רעוואָלוציאָנערען, ספּירידאנאָווא, איזמאילאָוויטש און אַנדערע געוויזען, אַז קיין „פּאַרדאָן“ קען קיין „בונטאָווטשיק“ מעהר ניט ערווארטען, גאַנץ גלייך ווער ער זאָל ניט זיין, נאָך דעם איז מען געגאַנגען „מאַכען וואַהלען“ און שפּיעלען דעם פּאַרלאַמענטס־שפּיעל.

* * *

אייגענטליך האָט דער „פּאַרלאַמענטס־שפּיעל“ גאָר ניט געפּאַסט אין רומעל אריין, פאַר די רעגיערונג פון דעם תליון הורנאַווא מיט זיינע יוצר־משרתיו. אָבער דאָ האָט זיך אריינגעמישט דער דלות. ער, וועלכער האָט שוין אַזוי פיעל נסים אויפגעטהון, האָט אויך געשאַפען די וואונדערליכע ערשיינונג, אַז אין דוכנאָוואס צייטען זאָלען מאַקע באמת פאָרקומען וואַהלען אין דער דומא.

די רוסישע רעגיערונג מוז האָבען געלד, זיא האָט אַ געוואַלטיגען דעפיציט. זיא האָט געוואַלטיגע הוצאות און אָהן געלד קען זיא זיך ווייטער ניט האַלטען. כדי צו בעקומען געלד, מוז מען זיך — וויא געוועהנליך — ווענדען צו די אויסלענדישע באַנקירען, אָבער די אויסלענדישע באַנקירען האָבען גענומען מורא האָבען צו קריכען. זיי האָבען פאַרלאָרען דעם פערטרויען און די לעבענספעהיגקייט פון דער זעלבסט־הערשונג, און אַט פאַר זיי האָט מען געדאַרפט די נייע לאַמע, — די דומא. פאַר זיי מעהר, וויא פאַר'ן רוסישען פאָלק.

דאָס איז איין אורזאַכע, פאַר וואָס די וואַהלען אין דומא זיינען דאָך באַשטימט געוואָרען. די צווייטע אורזאַכע איז, ווייל די רעגיערונג האָט שטאַרק געבויט אויף זיך. עס איז פאַר איהר מאַקע וויכטיג געווען, אַז די דומא — וועלכע מוז דאָך סוף כל סוף קומען — זאָל זיין דורכאַוים דומא.

די האַנד וואָס האָט געקאָנט אַזוי פיעל בלוט פערגיעסען, אַזוי פיעל מענשען פייניגען, אַזוי פיעל צושטערונג בריינגען, זיא וועט אויך קענען „מאַכען“ וואַהלען, אַזוינע וואָס זאָלען פּאַסען פאַר דער רעגיערונג. און די צייט פון דער פינסטערער רעאַקציאָן די צייט, ווען די רעוואָלוציאָן איז ניעדערשלאָגען און די בעפעלקערונג איינגעשראָקען איז די פּאַסענדסטע און בעסטע צייט צו קענען שאַפען אַ „אייגענע“ דומא, אַ דומא פון רעאַקציאָנערען, הוליגאַנעס און שפּיאָנען. און מיט אַזאַ דומא וואָלט מען דאָך 5 יאָהר געקאָנט מאַכען וואָס מען וויל. דאָס איז געווען דער חשבון פון דער רעגיערונג, ווען זיא האָט זיך באַשלאָסען דאָך צו בעשטימען די וואַהלען, טאַקע נים אָבליגענדיג אין לאַנגען באַנק.

* * *

וואָס האָבען די רעוואָלוציאָנערען אונטער אַזוינע אומשטענדען געדאַרפט טהון. געהן אין דער דומא אָדער נים געהן? אַנטהייל נעהמען אין די וואַהלען אָדער ניט?

כמעט איינשטימיג האָבען אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און זאָגאַר דער לינקער פליגעל פון דער ראַדיקאַלער בורזשואַזיע געענטפערט: ניט געהן אין דער דומא, ניט אַנטהייל נעהמען אין די וואַהלען. נור די מינאָריטעט צווישען דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, מיט פּלעכאַנאָוו, מאַרטאָוו און פּאַרוואוס זיינען געווען פאַר דעם אַנטהייל אין די וואַהלען. אַלע אַנדערע האָבען בעשלאָסען: מיר מוזען באָיקאָטירען די דומא.

באָיקאָטירען די דומא האָט אָבער געהייסען ניט נור אַליין ניט נעהמען קיין אַנטהייל אין די וואַהלען, זאָנדערן אויך אַנדערע צוריקהאַלטען דערפון. באָיקאָטירען די דומא האָט געהייסען שמערען די דומא; ענטוועדער איז גאַנצען ניט דערלאָזען איהר צונויפקומען זיך, אָדער, ווענינגסטענס, ווייזען, אַז זיא איז ניט די פאָרשטעהערין פון פאָלק, ניט געשיקט פון פאָלק, און אַז דער פאָלק קען זיך ניט שטעלען צופריעדען מיט איהר און נעהמט ניט די פערנטוואָרטליכקייט פאַר איהר. באָיקאָטירען די דומא האָט געהייסען מיט איין וואָרט דורכפיהרען אַן אַקטיווען באָיקאָט.

מאָטיווען פאַר דעם באָיקאָט זיינען געווען פיעל. זיי האָבען זיך געשטיצט אויף דערזעלבער איבערצייגונג, אַן וועלכער די רעגיערונג האָט זיך געהאַלטען, נעמליך, אַז די דומא וועט באַשטעהען פון אַ גרויסער רעאַקציאָנערער מאַיאָריטעט, און אַז זיא וועט זיין אַ שפּיעלצייג אין די הענד פון דער רעגיערונג. מיר טאָרען דער רעגיערונג ניט לאָזען אויסשפּיעלען איהר פּאַרלאַמענטס־שפּיעל, מיר טאָרען איהר ניט דערלאָזען מאַכען דעם איינדרוק, אַז די רעוואָלוציאָנס פּעריאָדע איז פאַראיבער, און אַז די לאַנד האָט זיך בערוהיגט. מיר טאָרען איהר ניט לאָזען וויעדער בעקומען קרעדיט, און פערשטאָפּען די לעכער פון איהרע קאַסען.

די רעגיערונג האָט אין אמת'ן קיין זאַך ניט פערפעהלט צו „מאַכען“ פון די וואַהלען דאָס, וואָס זיא האָט געדאַרפט, צו העלפען די רעאַקציאָנערען, די פינסטערלינגע און הוליגאַנעס. יאָ, זיא האָט זיך אפילו נים אָבגעשטעלט פאַר אָפענע סקאַנדאַלען און געוואַלטטהאַטען! זיא האָט פיעל פון די ליבעראַלע קאַנדידאַטען, פיעל זאָגאַר פון די אויסגעוועהלטע ליבעראַל־ראַדיקאַלע וועהלמענער פאַרשפּאַרט אין די טורמעס און פאַרשיקט אין די ווייטע מקומות.

די בעפעלקערונג, באַזונדערס די גרויסע פּאָלקס מאַסען, זיינען, טהיילס אונטער דעם איינפלוס פון דעם רעוואָלוציאָנערען באָיקאָט, טהיילס אויס מורא, טהיילס אויס גלייכגילטיגקייט, געשטאַנען פון ווייטען

דאָך, ניט קוקענדיג אויף דיא אַלע גאַנץ ערנסטע חשבונות און אויף דיא אַלע פּאַרבערייטונגען, האָט דיא רעגיערונג זיך זעהר שטאַרק אָבגענאַרט: דיא וואַהלען זיינען געווען אַ סיסטעמאַטישע איינשטימיגע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציאָן געגען די רעגיערונג. אויף וויא ווייט עס זיינען דערווייל בעקאַנט געוואָרען דיא רעזולטאַטען, זיינען עלעקטעט נור אָפּאָזיציאָנעלע און וואָס מעהר אויף לינקס דיא קאַנדידאַטען זיינען געשטאַנען, אַלץ גערנער און לייכטער זיינען זיי עלעקטעט געוואָרען.

דיא קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, דיא ראַדיקאַלסטע פּאַרטיי וועלכע איז געווען אין שלאַכטפעלד האָט געפונען דעם בעסטען באָדען, האָט צוגעצויגען צו זיך דיא גרעסטע צאָהל שטימען. גאָר אונגעריכט פאַר זיך אַליין, צוליעב דער פּריווילעגירטער שטעלונג וועלכע דיא סאָציאַליסטען און רעוואָלוציאָנערען האָבען פאַר איהר געשאַפען, ווערט זיא אין דער דומאַ דער פיהרענדער גייסט.

* *

אַז דיא סאָציאַליסטען האָבען געהאַט אַ ביטערן טעות דערמיט וואָס זיי האָבען באָיקאָטירט דיא וואַהלען, און אַז זיי האָבען טהייער בעצאָהלט פאַר דעם טעות, קען היינט קיין שום ספק ניט זיין. מיט דיא אייגענע הענד האָבען זיי אוועקגענומען ביי זיך דיא מעגליכקייט צו געבען דער רעגיערונג איין גרויסע שלאַכט אין נאָמען פון פאָלק אלס דיא לעגאַלע פאַרטרעטער פון פאָלק. עס איז קיין שום ספק ניט, אַז ווען דיא סאָציאַליסטען וואָלטען געהאַט קאַנדידאַטען אַרויסגעשטעלט, דאַן וואָלטען זיי געוויס געהאַט אויך פיעל פערטרעטער אין דער דומא. און ווען אַ שטאַרקע סאָציאַליסטישע מינאָריטעט וואָלט געווען אין דער דומא, דאַן וואָלט זיא געווען דער פיהרענדער גייסט. דאַן וואָלטען זיי געצוואונגען דיא רעגיערונג און דיא אַנדערע פּאַרטייען פון דער אָפּאָזיציאָן צו שפּיעלען אַן אָפּענעם שפּיעל: ענטוועדער צו צוטרייבען דיא דומאַ. (דערמיט וואָלט געווען פיעל גלאַנצענדער דערגרייכט דער רעזולטאַט צו וועלכען מען האָט געשטרעבט דורך דעם אַקטיווען באָיקאָט, אָדער דיא דומאַ וואָלט געמוזט ווערען אַן אמת'ע פאָלקספערטרעטונג.

היינט, ווען דיא סאָציאַליסטישע און פּראָלעטאַרישע פערטרעטער זיינען דאָרט ניטאָ, היינט, ווען אויף דער בורזשואַזנער דעמאָקראַטיע איז אויסגעפאַלען דער שיקזאַל צו זיין דיא איינציגע פערטהיידיגערין פון פאָלקסרעכטע און פרייהייטען אין דער דומא, היינט איז דיא לאַגע אַנאַנדערע: מיט דיא בורזשואַזנע פּאַרטייען קען דיא רעגיערונג גיכער און ביליגער מאַכען פשרות. זיי קען זיא פיעל לייכטער אָבקויפען אַזוי, אַז דיא גרויסע פאָלקסמאַסען, בעזונדערס דער פּראָלעטאַריאַט, זאָל אַרויס בשן ועין. היינט בלייבט פאַר דיא רעוואָלוציאָנערען נור איין וועג: דער בעוואַפענטער אויפשטאַנד — (וויא גאָרקי האָט גאַנץ ריכטיג באַמערקט) צו דעם אויפשטאַנד מוזען זיי זיך נעהמען פאַרברייטען. אָבער איהם אויספיהרען וועט מען קענען ערשט שפּעטער, נאָכדעם, וויא דיא דומאַ וועט זיין פערזאַמעלט, און נאָכדעם וויא דער פּאַרלאַמענט שפּיעל וועט זיין ווידער אַן אָפּענער. דורך דעם זיעג פון דער אָפּאָזיציאָן איז דער שפּיעל פאַרדרייט געוואָרען. היינט איז אַלזאָ דאָ נור איין וועג און אויך ער איז דערווייל פערשפּאַרט.

ווען ניט דיא אונגליקליכע טאַקטיק פון באָיקאָט, דאַן וואָלטען דיא רעוואָלוציאָנערען געהאַט צוויי וועגען: איינעם פון אינעווייניג, פון דער דומאַ; דעם צווייטען פון דרויסען, דעם בעוואַפענטען אויפשטאַנד. און אויך דעם בעוואַפענטען אויפשטאַנד וואָלט מען געקענט בענוצען מיט מעהר ערפאָלג. גאָרקי האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ער האַלט ניט פיעל פון דעם זיעג פון דיא בורזשואַזנער דעמאָקראַטיע. ער האָט אָבער אַ טעות, ווען ער שטעלט דעם גאַנצען זיעג אויף דעם חשבון פון דיא, וואָס האָבען געשניטען דיא פירות פון דער אַלגעמיינער אונצופריעדענהייט. נים דיא בורזשואַזנע דעמאָקראַטיע — ניט איהרע פּרינציפּען און טאַקטיק האָבען איהר פערשאַפען דעם גרויסען זיעג ביי דיא וואַהלען. דיא רעוואָלוציאָן האָט געזיעגט. דער זיעג ביי דיא וואַהלען, דאָס איז דער זיעג פון רעוואָלוציאָנערען גייסט. און עס איז געווען דער אונגליק פון דיא רעוואָלוציאָנערען, וואָס דער געוואַלטיגער זיעג פון דער רעוואָלוציאָן האָט — צוליעב זייער אייגענעם טעות — זיך אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון אַ זיעג פאַר דיא בורזשואַזנע דעמאָקראַטיע.

און ווייל דאָס איז אַזוי געשעהען, דערפאַר שטעהען מיר היינט נאָך אין דער איבערגאַנגסצייט, אַנשטאַט וואָס מיר האָבען שוין געקענט האַלטען ביי אַ נייער עפּאָכע. יעדענפאַלס איז עס אָבער דער איבערגאַנג פון דער פינסטערער רעאַקציאָן צו אַ נייער ליכט צו אַ נייער אויפבליהונג פון פּאָליטישען לעבען אין רוסלאַנד, מיר שטעהען ערב נייע קעמפּפע, ערב נייע זיעגען!

* * *

נור אַ פּאָאר וואָכען האָבען סעמועל גאָמפּערס און דיא „אַמעריקאַן פעדערייששאָן אָוו לייבאָר" געלאָזט דיא בעלי־דרשנ'ען און דיא

בעלי־חלומות חלומ'ן וועגען נייע ציימען, נייע לעבען אין דער אמעריקאנער „פיור און סימפל" בעוועגונג. נור א פאאר וואכען האט מען געקאנט מיינען, אז זאגאר דער שטעהענדער זומפ הייבט זיך אן צו בעוועגען אין דער ריכטונג פון קלאסענבעוואוסטער, פראלעטארישער פאליטיק.

די „אמעריקאן פעדעריישאן" האט געהאט גענוג געלעגענהייטען צו לערנען עפעס וואס נייעס, זיא האט געהאט גענוג אורזאכען זיך צו איבערצייגען, אז „לא זו הדרך," אז דער וועג, וועלכען זיא איז ביז איצט געגאנגען, קען קיין ארבייטער ארגאניזאציאן ווייטער ניט געהען.

די „אמעריקאן פעדעריישאן" האט, וויא די גאנצע וועלט, זיך געקאנט איבערצייגען, אז די ארבייטער בעוועגונג ווערט אונטער איהר פיהרערשאפט אלץ אהנמעכטיגער, אלץ גייסטיג מעהר פערקריפעלט, זיא קען זיך ניט בעשליסען אויף קיין ענטשיידענדעם ענערגיעשען טריט אפילו אין דעם ענגען געביעט פון קליינליכען אלטעגליכען עקאנאמישען קאמפף. די „גרויסע מעכטיגע" ארגאניזאציאן איז כחרש־הנשבר יעדעס מאל, ווען עס האנדעלט זיך וועגען אן אלגעמיינע פראגע אין וועלכע דער גאנצער ארבייטערקלאס איז פעראינטערעסירט: זיא איז „כלא־היה" אין אלע פאליטישע פראגען נאך איהר פאליטישען איינפלוס.

עס איז געווען איין אויגענבליק, ווען מען האט געמיינט, אז די פיהרער פון „אמעריקאן פעדעריישאן" אליין הייבען עס אן צו פערשטעהען, דער מיאוסער אבשניט וואס גאמפערס מיט זיין „ארמיי פון 100" האבען געכאפט פון רוזוועלטען פאר זייער „העזה" צו פארדערן עפעס, אויפצוהייבען דעם קול איז געווען א דראמאטישער מאמענט און א טהייערע געלעגענהייט פאר ודאוי און תשובה.

עס האט אויסגעוויעזען, אז דאס האט אויך „געווירקט. אין א פאאר טעג ארום נאך יענער בעריהמטער, „אודיענץ" האבען די פיהרער פון דער „אמעריקאן פעדעריישאן" ארויסגעלאזען א „מאניפעסט" אין וועלכען זיא האט קליפ און קלאהר ארויסגעזאגט, אז מהיום והלאה געהט זיא אין „פאליטיקס." די ארבייטער — האט יענער „מאניפעסט" ערקלעהרט — מוזען שיקען נור אזוינע פערטרעטער אין קאנגרעס און די לעגיסלאטורען, וועלכע זאלען פארטרעטען די ארבייטער אינטערעסען און זא ווייטער. גאר עפעס נייע טענער האבען זיך געהערט. גאר עפעס אן אבקלאנג פון א בעקאנטער ליעד האט זיך דארט געפיהלט, א ווייטער עכא פון אונזער ליעד: „די בעפרייאונג פון די ארבייטער איז די זאך פון די ארבייטער אליין."

און אזוי האבען די בעלי־דרש געדרש'נ'ט און די בעלי־חלומות געחלומ'ט צוויי דריי וואכען נאכאנאנד: „היצמות היבשות מי הקים לתחיה?"

וויא ווייניג אכטונג מען האט צו די מאכערס פון יענער ארגאניזאציאן, וויא ווייניג גלויבען מען האט אין זייער גייסטיגע און מאראלישע פעהיגקייטען, דאך האט מען זיך געקאנט רעכענען: עס איז דאך מעגליך, אז אויך די „אמעריקאן פעדעריישאן" זאל חוזר בתשובה זיין, זאל עפעס וואס לערנען, בפרט איצט ווען זאגאר אין איהר מוסטערלאנד, ענגלאנד האבען די ארבייטער מיט אזא געוואלדיגען מאראלישען און זאגאר פראקטישען ערפאלג זיך ארייגעלאזען אין אונאבהענגיגע ארבייטער פאליטיק.

דאך די בעשיידענסטע האפנונג אויף די אלטע גייסטיג און מאראליש אויסגעדארטע „יצמות־היבשות" פון דער „אמעריקאן פעדעריישאן" האבען זיך ארויסגעוויעזען פאר אונגערעכט. אין א פאאר וואכען ארום נאך יענעם „מאניפעסט" האט די „אמעריקאן פעדעריישאן" ארויסגעלאזען נאך א נייעם ערקלעהרענדען און בעלייכטענדען מאניפעסט און פון דעם צווייטען מאניפעסט איז שוין פערשוואונדען אויך דער לעצטער שטראהל פון ליכט, דער לעצטער שימער פון האפנונג.

די „אונאבהענגיגע" ארבייטער פאליטיק וועט אלזא בעשטעהען ביי די „אמעריקאן פעדעריישאן" נור אין דעם וואס די פארשטעהער פון די יוניאנס („די לייבאר פייקערס"?) וועלען פיהרען פערהאנדלונגען מיט די קאפיטאליסטישע קאנדידאטען (די בודלערס) און אויסדינגען „פערשפרעכונגען". דאן וועט די גאנצע „מאכט" די גאנצע אויטאריטעט פון די ארבייטער ארגאניזאציאנען אנגעווענדעט ווערען פאר יענע בודלערס.

און ווען מען לייענט די ערקלערונג ווערט די גאנצע מעשה אביסעל חשוד'דיג. און ניט ווילענדיג ווארפט זיך דורך א מחשבה זרה: צו איז די גאנצע „אונאבהענגיגע" ארבייטער פאליטיק פון דער „אמעריקאן פעדעריישאן" ניט געשאפען געווארען כדי פעסטער צוזאמענצובינדען די „לייבאר־פייקערס" מיט די בודלערס און צו מאכען די ארבייטער פאליטיש נאך מעהר אבהענגיג וויא ביז איצט?

* * *

עס איז איבערהויפט א מערקווירדיגע זאך מיט דער פאליטיק פון די ארבייטער ארגאניזאציאנען: עפעס איז זיא פול פון סודות, פון

דיפּלאָמאַטיע, עפּעס איז זיא אַ רעטעניש פאַר יעדען וואָס איז ניט „איינגעווייהט“ אין איהרע געהיימניסע.

פאַר זייטיגע, ניט „איינגעווייהטע“ מענשען קומט צ. ב. אויס וויא אַ גרויסע רעטעניש דיא גאַנצע „היסטאָריע“ פון גרויסען מיינער סטרייק, וועלכער ציהט זיך שוין חדשים לאַנג.

עפּעס מישונה׳דיג קומט זיא פאַר דיא גאַנצע „היסטאָריע,“ עפּעס, וויא דיא ראָלען וואָלטען געווען פאַרביטען, הייסען הייסט עס: דיא מיינערס זיינען אונצופריעדען מיט דיא אַלטע בעדינגונגען. זיי שטעלען פאָדערונגען. זיי זיינען גערייט צום קאמפף, זיי ערקלעהרען אַ סטרייק. און פּאַסירט האָט געראַדע קאַפּויער. אין פערלויף פון חדשים פיהרען זיך דאָ „דיפּלאָמאַטישע פערהאַנדלונגען.“ און ביי דיא פערהאַנדלונגען שפּיעלט מיטשעל דער „גרויסער“ מיינער־פיהרער יעדענפאַלס ניט דיא ראָלע פון דעם אָנגרייפער, ניט פון דעם מאַכטהאבער, אויך ניט פון אַ גלייכען, נור דיא ראָלע פון אַ נכנע פון אַ דערשלאָגענעם, פון אַ מאַן, וואָס זוכט רחמנות.

דיא אַלטע רוימער, גרויסע מומחים אין הלכות מלחמה, פּלעגען זאָגען: אויב דוא ווילסט שלום, גרייט זיך צו מלחמה. מיטשעל אָבער, ערקלעהרענדיג, אַז ער איז גרייט צו מלחמה, האָט גענומען מיט אַלע מיטלען זיך בעטען אויף שלום, זאָגאַר אין דיא „הויכע טהירען“ פון ווייסען הויז האָט ער געקלאַפּט בעטענדיג שלום, געקלאָפּט און בעקומען אַ מיאוס׳ן אָבזאָג, זעלבסט־פערשטענדליך, אַז אַזאַ זאָרט אונערקלעהרליכע שוואַכקייט און ניעדערשלאָגענהייט האָט געמוזט צוגעבען מוטה און פעסטקייט צו דיא קאָהלענבאַראָנען.

מיטשעל האָט וואָכען־לאַנג געשפּיעלט דיפּלאָמאַטיע און אפילו ווען עס איז געקומען דער מאָמענט, אַז דער דיפּלאָמאַטישער שפּיעל איז שוין געווען אין גאַנצען פאַרלאָרען און מען האָט געמוזט ערקלערען קריעג, האָט ער ניט געהאַט דעם מוטה צו ערקלערען דעם קריעג אָפּען ענערגיש, עס איז געשאַפען געוואָרען דער מערקווירדיגער צושטאַנד, ווען דיא טויזענדער און אָבערטויזענדער ארבייטער ארבייטען ניט בעקומען ניט קיין ווייזשעס ווייל זיי זיינען אין סטרייק און דאָך סטרייקען זיי אָפּיציעל נאָך ניט.

אָפּיציעל פערהאַנדעלט מען נאָך דיפּלאָמאַטיש. אָפּיציעל איז נאָך דער קריעג ניט ערקלערט געוואָרען. נור דיא ארבייטער פארדיענען גאָר ניט. דער מוטה ווערט געפאַללען ביי דיא ארבייטער, און דיא קאָהלענבאַראָנען זיי נעהמען הערווייל העכערע פרייזען פאַר קאָהלען, זיי מאַכען ספּעקולאַציעס, זיי פאַרקויפען דיא גרויסע פאָררעטהע, וועלכע זיי האָבען אַזוי לאַנג אָנגעקליבען, זיי ווערען שטאַרקער, רייכער און ממלא אויך פרעכער און האַרמער.

ווער עס איז ניט „איינגעווייהט“ אין דיא געהיימניסע פון דער „ארבייטער פּאָליטיק?“ פון דיא אַמעריקאַנער גרויסע יוניאָנס פרעגט זיך: וואָס זאָל בעדייטען דיא גאַנצע סטרייק קאָמעדיע, צו ווערט זיא טאַקע געפיהרט אין אינטערעס פון דיא ארבייטער?....

* * *

דיא שוידערליכע רעאַקציאָן און פערפאָלגונגען אין רוסלאַנד האָבען ווידער צויאָגט און צוטריבען דיא בעסטע רעוואָלוציאָנערען, דיא העלדישסטע קעמפּפער. פאַר יעדער מאַן וואָס האָט געשפּיעלט אַ ראָלע אין דער רעוואָלוציאָן, איז געוואָרען אַ לעבענס־פראַגע זיך בעצייטענס צו ראַטעווען און צו אַנטלויפען. און דיא „אימיגראַנטען קאָלאָניעס“ אין מערב אייראָפּא האָבען זיך גענומען ווידער אָנפילען.

עס איז געווען ניט מעהר וויא נאַטירליך, אַז אַביסעל פון דיא פריי־געוואָרענע רעוואָלוציאָנערע קרעפטען, זאָלען פערברויכט ווערען אין אַמעריקאַ, כדי דאָ צו שאַפען סימפּאַטהיען און הילף פאַר אונזערע קעמפּפענדע חברים אין רוסלאַנד.

אָט אויף אַזאַ אופן האָבען מיר בעקומען דעם גליק צו האָבען צווישען אונז דיא גרויכע רעוואָלוציאָנערען. צוויי אָפּיציעלע פאָרשטעהער פון צוויי גרויסע פאַרטייען. דאָס זיינען דער אַלטער פאָרשטעהער פון דער רעוואָלוציאָן, גענאָסע טשאַיקאָווסקי, דער דעלעגאַט פון דער פאַרטיי סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען, און דער יונגער פון אַלעמען געפייערטער מנימין פון דער רעוואָלוציאָן, דער הויפּט־פיהרער און דער לעבענס־גייסט פון דער רעוואָלוציאָן אין דיא באַלטישע פראָווינצען. גענאָסע מאַקסים — דער דעלעגאַט פון „בונד“. דער דריטער, מאַקסים גאָרקי, טרעט אָפּיציעל ניט ארויס פון קיין פאַרטיי. ער געהערט צו דער רעוואָלוציאָן, ער געהערט צו דער מענשהייט, ער איז אונזער אַלעמענס, ווארום יעדער פון אונז איז זיינער אַ פערעהרער, יעדער קען איהם און ליעבט איהם.

מיר ווען אין נעקסטען נומער „צוקונפט“ האָבען דריי ארטיקלען. דריי לעבענס־בילדער פון אונזערע פארעהרטע געסט. דיא ארטיקלען וועלען געשריבען ווערן פון דריי אונזערע בעסטע שרייבער. דערווייל ווילען מיר נור בענוצען דיא געלעגענהייט זיי אַלעמען צו באַגריסען

פון טיעפען הארצען, אונזער וואונש איז א דאפעלטער. מיר ווילען ניט נור אז זייער מיסיאן זאל ערפיללט ווערען אויפן גלענצענדסטען אופן, מיר האלטען פאר ניט וויינינגער וויכטיג זייער זיין דא, ווייל מיר האפען טאמער וועט זייער בעזוך העלפען אונז דא, אונזער בעוועגונג, ניט מיט געלד, נור מיט גייסט. טאמער וועט זיך זיי איינגעבען אריינצוטראגען נייעם לעבען און נייע בעגייסטערונג אויך אין אונזער בעוועגונג. דיא אגיטאציאן וואס זיי וועלען מאכען פאר דיא רעוואלוציאן אין רוסלאנד, וועט זיין א אגיטאציאן פאר דיא רעוואלוציאן בכלל, פאר דיא ערוועקונג פון קלאסען־בעוואוסטזיין און פערשפרייטונג פון רעוואלוציאנערען געדאנק צווישען דיא אמעריקאנער פראלעטאריער אויך.

* * *

שוין דיא ערשטע וואך פון גארקי'ס זיין דא האבען דיא אמעריקאנער ארבייטער געוויזען וואס פאר תהום עס ליגט צווישען זיי און דער בורזשואזיע, וויא ווייט דיא פראלעטארישע וועלט איז פון דער בורזשואזנער, וויא פרעמד עס זיינען פאר יעדען ראדיקאלען מענשען דיא צבועצקע בורזשואזנע מאראל, עהרליכקייט און אנשטענדיגקייט.

דיא ערשטע טעג זיינען אלע געווען פערבלענדעט פון דער גלענצענדער בעגייסטערטער אויפנאהמע, וועלכע גארקי האט דא געפונען ביים „אמעריקאנעם פאלק", דאס הייסט, ביי א הייפעל מענשען פון דיא „אויבערשטע צעהן טויזענד" און ביי דער קאפיטאליסטישער פרעסע. פערבלענדעט איז געווען גארקי, פערבלענדעט זיינען געווען דיא מאסען: „אט זעהט מען אז אמעריקא איז דאך א פרייע מדינה, אז דער קלאסען־האס פון דער בורזשואזיע צו דער רעוואלוציאן איז דאך ניט אזוי אלמעכטיג" — האבען זיך פיעלע געטראכט.

דער חלום האט אבער געדויערט נור דריי טעג. פונקט דריי טעג האט דיא „בעגייסטערונג" פאר דיא רוסישע רעוואלוציאן און דיא אכטונג פאר דעם זשעניע אנגעהאלטען.

מיר קענען בעפרייען זיך און אונזערע לעזער פון א אויספיהרליכע שילדערונג וועגען די נידערטרעכטיגקייט, געמיינהייט, און אכזריות מיט וועלכע גארקי איז בעהאנדעלט געווארען פון זעלבען „אמעריקאנעם פאלק": פון דיא קאפיטאליסטישע געלע פרעסע און דיא „געגאנטע" בירגער. דיא אלע שווינדלער, רויבער, גנבים וועמען עס האט ניט „געפאסט" צו וואהנען אונטער איין דאך מיט דעם גרויסען דיינקער און דיכטער.

זיי פאסט נאך ניט? זיי, דיא נייסטיגע און מאראלישע קריפעלס, זיי, דיא אידיאטען און גראבע יונגען, זיי, דיא צבועקעס און אויסוואורפען, זיי האבען טאקע ניט געקענט פערטראגען דיא שכנות פון א זשעניע לעבען זיך, ווארום וויא מילביג־קליין און לעכערליך זעהען זיי אויס לעבען דער מעכטיגער פיגור פון דעם גרויסען שרייבער, העלד און רעוואלוציאנער!

דיא שענדליכע העצע געגען גארקי איז געקומען, ווייל גארקי איז א רעוואלוציאנער; איז מוטהיג און אפען ארויסגעטראטען פאר דיא צוויי נייע מארטירער פון דער אמעריקאנער ארבייטער בעוועגונג, מאיער און הייוואוד, געגען וועמען דיא נייע קאפיטאליסטישע העלע איז געריכטעט, און ווייל ער האט געהאט דעם מוטה צו האנדלען וויא א עהרליכער, אנשטענדיגער מענש אין זיינע בעציהונגען צו א פרוי.

דיא דריי־איינינגקייט פון פערשקלאפונג און פערדומונג: רעליגיאן, רעגיערונג און קאפיטאל האט זיך פערבונדען געגען גארקי איהם „מאראליש" טויט צו מאכען ביים אמעריקאנער „פאלק". עס קען זיין, זיי האבען זייער ציעל דערגרייכט. דיא בורזשואזיע האט פערשפארט עטליכע דאלער, וועלכע זי וואלט אזוי פיעלייכט געהאט געגעבען פאר דער רוסישער רעוואלוציאן.

דיא אמעריקאנער ארבייטער האבען אבער דורך דיא העצע געגען גארקי זעהר פיעל געקענט לערנען. זעהר פיעל ביטערע געפיהלען פון האס און פעראכטונג צו דער דערמאנטער דריי־איינינגקוט אין וועמעס נאמען דיא העצע איז געפיהרט געווארען, האבען זיך געמוזט אנקלייבען ביי יעדען פראלעטאריער, יא, ביי יעדען דיינקענדען און פרייען מענשען און דאס איז אויך ווערטה עפעס, זאגאר זעהר פיעל.

* * *

אין וויינינג טעג ארום וועט אין ניו־יארק אבגעהאלטען ווערען דיא יעהרליכע קאנווענשאן פון „ארבייטער רינג". דיא 3־טעגיגע קאנווענשאן האט א גרויסע טאגעסארדנונג צו בעראטהען

דיא קאנווענשאן איז היינט א ריין־פראקטישע, נור פראגען וואס זיינען נוגע צו דער טהעטיגקייט פון ארבייטער רינג געפינען מיר אויפ'ן טאגעסארדנונג. דיא מייסטען פונקטען באשעפטיגען זאגאר זיך נור מיט טעכנישע פראגען. דאך, ניט קוקענדיג אויף דעם פארשפרעכט דיא נייע קאנווענשאן הייסע דעבאטען.

דיא פראגע וועגען פראפאגאנדא פאר'ן „ארבייטער רינג", דיא פראגען וועגען א לייסעאום און על כולם וועגען מאסאטשוזעטס סטייטס וועלען ארויסרופען ניט וויינינג

ניט וויניג הייסע דעבאטען. דער אנפאנג איז שוין געמאכט געווארען נאך פריהער. דיא פראטעסטען פון פעטערסאנער ברענטשעס וועלכע זיינען געשריעבען געווארען אין אזא וואונדערבאר־בעליידיגענדען טאן און דער פארשלאג פון דער פרעסס קאמיטע וועגען אויסשלוס פון דיא ברענטשעס פערשפרעכען קיין גוטעס ניט.

אין אזוינע אויפגערעגטע מאמענטען איז בעזונדערס נויטהיג צוזאמען מיט דער גראטולאציאנן צו שיקען דער קאנווענשאן אויך ערמאהנונגס־ווערטער.

גענאסען, אין דיא מאמענטען פון קאמפף צווישען זיך, פערגעסט ניט אייערע פפליכטען צום „ארבייטער רינג“, פארגעסט ניט אייערע פפליכטען צו דער גאנצער אידישער סאציאליסטישער בעוועגונג.

איהר זייט דער איינציגער ראדיקאל־סאציאליסטישער פרייער ארדען. דער ארבייטער רינג האט פיעל גוטעס אויפגעטהון, מערקווירדיג שנעל געוואקסען אי פיזיש, אי גייסטיג.*) ער איז היינט איינער פון דיא פאפולערסטע אינסטיטוציאנען צווישען דיא אידישע ארבייטער. דאס אלץ גדיינקט און האט אין זינען, אז א קאנווענשאן פון ספליטען, א קאנווענשאן פון צו פיעל פערזענליקייט און פון האס קען בריינגען דעם „ארבייטער רינג“ מעהר שאדען וויא פיעל זיינע ערגסטע שונאים וואלטען איהם געקענט אנטהאן.

מיר ווילען האפען, אז דער „ארבייטער רינג“ וועט פון דער נעכסטער קאנווענשאן ארויס נאך שטארקער, נאך פעסטער און פעראייניגטער און מיר שיקען דער קאנווענשאן אונזערע בעסטע ווינשען און אויך אונזער דאנק.

דיא „צוקונפט“ האט פיעל צו דאנקען דעם „ארבייטער רינג“. און דיא ענטוויקלונג און וואוקס פון „צוקונפט“ — אין וועלכע דער „ארבייטער רינג“ האט אזא גרויסען חלק — זאל דיענען דיא דעלעגאטען אלס לעבעדיגער בעוויז וויא פיעל גוטעס דער ארדען קען אויפטהון אויך פאר דיא גייסטיגע ערציהונג און אויפקלעהרונג פון דיא אידישע ארבייטער.

שוין דעם 5טען העפט פון דער „צוקונפט“ באקומען דיא לעזער אונטער דער נייער רעדאקציאן. מיר האבען ביז איצט קיין איינציגע שורה ניט אוועקגענומען ביי דיא לעזער צו ריידען וועגען אונזער טהעטיגקייט.

מיר מוזען עס אבער דעם מאל טהון: מיר זיינען מאראליש פערפפליכטעט אויסצושפרעכען אונזער בעסטען דאנק צו דיא ארגאניזאציאנען וועלכע האבען אונז בעוויזען אזוי פיעל סימפאטהיע און אויסגעדריקט זייער מאראלישע שטיצע.

דער ברענטש פון ארבייטער רינג אין סינסינאטי האט זאגאר אנגענומען א פארמעלע רעזאלוציאן אויסצודריקען איהר דאנק צו דער איצטיגער רעדאקציאן פון „צוקונפט“. פון אנדערע ערטער קומען ניט נור פריינדליכע רייד, זאנדערן אויך פריינדליכע טהאטען. פיעלע ארגאניזאציאנען האבען פארגרעסערט זייערע בעשטעלונגען.

ליידער זיינען דיא פיעלע, נאך ווייט ניט אלע. ליידער זיינען מיר נאך ניט אין דער לאגע צו קענען ארויסגעבען דיא פארגרעסערטע, צוקונפט אויף ווייטער אויב אונזערע פריינדע און סימפאטהייזער וועלען ניט זארגען צו דעקען דעם דעפיציט.

און זארגען קענען זיי גאנץ לייכט דאפיר: זעהען פארשפרייטען דעם זשורנאל, דאס איז דיא ערסטע און גרעסטע פפליכט. דער 1000 דאלאר פאנד, וואס געהט אזוי לאנגזאם מוז אין א גאנץ קורצער צייט פול ווערען, און ער קען עס ווערען, אויב מען וועט נור א קליין ביסעל ארבייטען דאפיר, נאך קען דיא פראווינץ, און וואלט אויך געדארפט מאכען אייניגע אונטערנעהמונגען פאר דיא „צוקונפט“.

מיט א ביסעל מעהר פינאנציעלע קרעפטען וואלטען מיר געקאנט געבען נאך א פיעל פארגרעסערטע „צוקונפט“.

און ווען מיר ריידען שוין וועגען זשורנאל, וועלען מיר שוין באנוצען דיא געלעגענהייט צו דערצעהלען א פאר פאקטען פון דיא רעדאקציאנעלע „סודות“.

אונזערע לעזער האבען באמערקט אין דיזען נומער „צוקונפט“ א פנים חדשות, נחום־צדק. שוין פון ערשטען ארטיקעל קען יעדער באמערקען, אז דער פערפאסער איז א מאן וואס האט א סך קענטניסע, אי וויסענשאפטליכע, אי פון אמעריקאנער פאליטישע צושטענדע. מיר קענען נור זאגען, אז דיא זעלבע ארטיקלען וועלען ערשיינען שפעטער אויך אין דער דייטשער „נייער צייט“, דעם וויסענשאפטליכען זשורנאל פון דער „דייטשער סאציאל־דעמאקראטיע“, ווייל דער פערפאסער איז געבעטען געווארען אויך פון גענאסע קאוטסקי צו שריי־

*) צום בעדויערן האבען מיר ניט געקענט בעקומען דיא ציפערן און פאקטען וועגען דיא טהעטיגקייט פון ארבייטער רינג פאר'ן לעצטען יאהר. דערפאר האבען מיר ניט געקענט אויספיהרליכער שרייבען וועגען דעם.

בען איבער די „אייזענבאהנען אין די יוניי־טעד סטייטס און די געזעטצגעבונג“.

א צווייטען פּנים חדשות וועלען די לע־זער געפינען פון נעכסטען נומער „צוקונפט“ אן: דר. י. רובינאָוו, וואָס שרייבט שוין פיעל יאהר וועגען אלע אידישע פראגען אין „וואָס־כאר“, און וועגען אלגעמיינע פּאָליטיש־וויסענ־שאפטליכע פראגען אין אנדערע רוסישע און אמעריקאנער זשורנאלען, שרייבט פאַר די „צוקונפט“ איינינע וויסענשאפטליך־סטאטיס־טישע ארטיקלען וועגען דער עמיגראציאָנס־פרא־גע: וועגען עמיגראציאָן בכלל און וועגען די עמיגראציאָן פון די אידען בפרט.

דער ערשטער ארטיקעל איבער די ברע־נענדע פראגע וועט ערשיינען שוין אין נעכסטען העפט „צוקונפט“.

צו אונזער נייעם מיט ־ ארבייטער פון ענגלאנד, גענאָסע מאָרים מייער, וועמען די לעזער האָבען שוין געהאט די געלעגענהייט צו זעהען אין דער „צוקונפט“, קומען צו נאָך צוויי באוואוסטע סאָציאליסטישע שרייבער. איינער אן אלטער בעקאנטער, דער געוועזענער רעדאקטאָר פון „אבענד בלאט“, גענאָסע מ. בער. ער וועט נאָך א רייהע פון יאָהרען ווידער צום ערשטען מאָל שרייבען אידיש פאַר די לעזער פון „צוקונפט“.

דער צווייטער איז גענאָסע טהעאָדאָר ראָטהשטיין, דער געוועזענער רעדאקטאָר פון דער לאָנדאָנער אידישער „נייער צייט“ און דער שטענדיגער מיטארבייטער פון דער דייטשער „נייע צייט“ און אויך פון אנדערע ענגלישע און רוסישע זשורנאלען, ער איז אויך דער קאָררע־ספאָנדענט פון ווילנער „פאָלקס צייטונג“.

דר. פראיס, דער ספעציאליסט איבער הי־גיענישע פראגען, וועט שרייבען פאַר דער „צו־קונפט“ אן ארטיקעל איבער „דער געזונד־הייטסצושטאנד פון די ארבייטער“.

דר. מ. לאנדא — איבער „העלדען אין מאסען“.

אונזערע אלטע פריינד פארלאָזען אונז אויך ניט. יעקב גאָרדין זעצט פאָרט זיין ארבייט איבער „די וועלט דראמע“.

דר. אב. קאספע, שרייבט „איבער דעם קאמפף פאַר עקסיסטענץ ביי מענשען און חיות“.

גענ. בודיאנאוו, שרייבט איבער דעם פא־טער פון דער רוסישער סאָציאל־דעמאָקראטיע — פּלעכאנאָוו. און דר. א ארטמאן — איבער די ענטוויקלונג פון אנטיסעמיטיזמוס.

האיאוואטיא אין דער גלענצענדער אי־בערזעטצונג פון אונזער גרויסען פּאָעט יהואש איז געווים א וויכטיגע פּאסירונג אין דער אי־דישער ליטעראטור.

פון נעכסטען העפט „צוקונפט“ וועלען מיר אָנהייבען צו געבען נאָך אַ גרעסערע ליטעראַרישע ווערק. מיר הייבען אן צו דרו־קען איבערזעטצונג פון איינע פון די מערקוו־רדיגסטע און גלענצענדסטע ערצעהלונ־גען פון אידישען לעבען וואָס איז ערשיענען אין די לעצטע יאָהרען אין דער וועלט ליטערא־טור.

דער פערפאַסער איז דער באוואוסטער נאָר־וועגישער שרייבער פּעטער האלמסטראם. די ערציילונג הייסט: „ארוים פון גלות“. די האנדלונג קומט פאַר אין יענע פינסטערע יאָהרהונדערטע ווען אידען האָבען נאָך געטראָ־גען דעם געלען צייכען, געוואָהנט אין באזונ־דערע גהעטאָס, געציטערט פאַר פסח, געלעבט אין שרעק און אין צרות. און געשילדערט ווערט דאָרט די אידישע בייגקעניש נאָך דער „גאולה“, און דער קאמפּף צווישען דער גלות־פּסיכאָלאָגיע און דער פרייהייטס שטרעבונג פון וועלכען די פרייהייט געהט ארויס די זיעגערין.

פון די איבריגע זאכען, וואָס וועלען ער־שיינען אין נעכסטען נומער „צוקונפט“ קע־נען מיר שוין דערמאָהנען: דריי ארטיקלען פון דריי פון אונזערע בעסטע שרייבער — לע־בענס־בילדער און כאראקטעריסטיקען פון אונזערע דריי רעוואָלוציאָנערע געסט: טשאי־קאווסקי, גאָרקי און מאקסים מיט זייערע פאָר־טרעטען.

די געשיכטע פון די קאָמוניסטישע קאָ־לאָניען אין אמעריקא בעארבייטעט פון ח. אלע־קסאנדראוו.

א וויסענשאפטליכער ארטיקעל איבער ערד־ציטערנים און „וואולקאנען“ מיט אילוסטראציאָ־נען.

האיאוואטהא אין דער גלענצענדער אי־בערזעטצונג פון גענ. בערזעטצונג פון גענ. בעראַנדעס ארטיקעל איבער „די אלטע און נייע יוניאָנס“; א מאן אָהן א דזשאב, אן ערציילונג פון ז. ליבין.

די לעזער זעהען, אז אין קאָנסערוואטיזמוס אין דעם, אז אין „צוקונפט“ זאָל פעהלען לעבען קען מען אונזער זשורנאל ניט מאכען קיין פאָר־ווירפע. מיר פון אונזער זייט לייגען אוועק פיעל מיהע און זאָרג צו מאכען דעם זשורנאל בעסער, לעבעדיגער און פּאָפּולערער. עס וועג־דעט זיך איצט פיעל אן אייך לעזער!

קריטיק

1. דיא בעלאגערונג פון טולטשין, היסטאָרישע דראמא פון באַגדאַי כמעלניצקי'ס צייטען, אין 5 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג, פון נ. מינסקי. איבערזעצט פון רוסישען דורך א. רייזען. פערלאַג „קולטור," מינסק, 1905.

2. ביבליאָטהעק „ראָס לעבען." 3 בוך: דיא אידישע טאָרבע, ערצעהלונגען פון ישעיהו לערנער, אָדעסא, תרס"ה.

דער ניי־געגרינדעטער מינסקער פערלאַג „קולטור", וואָס האָט איין זינען בעקאַנט צו מאַכען דעם אידישען לעזער מיט דער בעסערער ליטעראַטור פון דיא אומות העולם, האָט געמאַכט אַ שטאַרק נישט געלונגענעם אָנהויב מיט דער איבערזעצונג פון מינסקי'ס „היסטאָרישער דראמא." דער איינציגער זכות, וואָס מען קאַן געפינען אויפ'ן פערלאַג, איז זיין גוטער מיין: אין דער דראַמא האַנדעלט זיך מכח דעם, וויא אזוי אַ אידישע קהלה אין טולטשין אין 1648 האָט זיך מוטהיג פערטהיידיגט מיט געוועהר אין דיא הענד אַנטקעגען דעם האַידאַמאַקען־אַטאַמאַן קריוואָנאָס דער שווערד היינטיגע צייט אויך אויף די אידישע קהלות אין רוסלאַנד, בכן דאַרף, הייסט דאָס, דאָס קליין ביכעל אויפמונטערן די אידען צו זעלבסטפערטהיידיגונג. יעדענפאַלס קענען מיר זיך נישט פאָרשטעלען קיין שום אנדער מאָטיוו פאַר דער איבערזעצונג אַ חוהוין דעם דאָזיגען פּאַטריאָטישען. מילא, צוליעב פּאַטריאָטיזמוס ווערען אָבגעטון גרעסערע פערברעכען אין דער ליטעראַטור. און דיא עולה קען מען דעם פערלאַג מחמת דעם מוחל זיין, מיר האָפען נאָר, אַז זיין ווייטערדיגע טהעטיגקייט אין דער ריכטונג וועט נישט געפיהרט ווערען פון קיין שום זייטיגע, אפילו גאַנץ פיינע בעל־הבית'שע אויסרעכנונגען, אַ חוץ ריין־ליטעראַרישע.

איינער פון דיא גדולים (דאַכט זיך טשעכאוו) האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז יעדער שרייבער דאַרף אָנשרייבען ווענִיגסטענס איין דראמא. געמיינט האָט ער זעהר פיעל. אַ דראמא איז דיא העכסטע מדרגה פון קונסט. אין אַ דראַמא מוז אַליץ זיין אָבגעוואויגען און אָבגעמאָסטען, קיין איין איבעריג וואָרט, קיין איין איבעריגע פערזאָן, קיין איין איבעריגע סצענע. אַנדערס איז דיא מעשה אַ לאַנגווייליגע, דער איינדרוק אַ מחולה'דיגער. און וואָס מעהר: דיא העלדען ווערען נישט בעשריעבען פון פערפאַסער, וויא אַ שטייגער אין אַ ראָמאַן; דער דיאַלאָג מאָלט דיא כאַראַקטערען, און ער מוז דעריבער פאָלשטענדיג האַרמאָנירען מיט דיא אינדיווידועלע אייגענשאַפטען פון יעדען כאַראַקטער בעזונדער. היינט דער רעכטער תמצית פון דראַמאַ — קאַמפּף, וואָס אָהן דעם איז דאָס דראמא קיין דראַמאַ נישט. דיא טעכניק פון אַ דראַמאַ איז אַ סך שווערער, וויא דיא טעכניק פון אנדערע מיני ווערק; דאָס איז אַ קונסט פאַר זיך אליין. און ווען אַ שרייבער שטעלט זיך פאָר אַ ציעל אָנצושרייבען אַ דראַמאַ, בעטייט דאָס אויפ'ן לשון פון דעם גדול, וועמעס ווערטעל מיר האָבען אויבען געבראַכט, אַז ער, דער שרייבער, שטרעבט צו דערגרייכען דיא העכסטע מדרגה פון קונסט.

ווען מינסקי האָט געשריעבען זיין „היסטאָרישע דראַמע," האָט ער מיטמעות פון קיין שום פותר חלום נישט געוואָלט וויסען. ער האָט גענומען אַ מעלאָדראַמאַטישען העלד, דעם פאַרטוגעזישען מאַראַן דע־קאַסטראָ (פון וואַנען וויים איין גאָט דער לעבעדיגער: אין דיא היסטאָרישע בעשרייבונגען פון טולטשין'ס קאַמפּף איז אַ דע־קאַסטראַ נישטאָ), און אָט ארום דעם העלד האָט ער אויסגעוועבט אַ רייהע בלייכע בילדער פון אַנדערע שטרייענע העלדען; פערשטעהט זיך, האָט ער דאָ אויך אַ ראָמאַנטישע ליעבע ערשטענס פון אַ יאַסנעוועלמאָזשנער פּאַני צום מאַראַן, און צווייטענס פון אַ פּראָסטען קאָזאַק צו דער יאַסנעוועלמאָזשנער פּאַני. צו וואָס'ערע גוטע יאָהר מען האָט גערדאַרפט האָבען דיא אלע ליובקעס — איז אונמעגליך צו פערשטעהען; קיין שום שייכות מיט'ן טרויעריגען גורל פון טולטשין האָבען זיי נישט, און פלאַין פערנעהמען זיי אַ רעכט ביסעל.

קאַמפּף, שטאַרקער האַמפּף, פעהלט אין דער דראַמאַ דורכאויס. אן אַנדייטונג, אַ שטיקעל אָנצוהערעניס אויף קאַמפּף איז יאָ דאָ: דער רב שלעפּט דיא מאַכע צום טויט אויף קידוש השם, און דע־קאַסטראַ פערקעהרט מונטערט זיא אויף צו זעלבסט־פערטהיידיגונג. אָבער דאָס איז אריינגעשטעלט אין אַזאַ ראַמען, אַז קיין שום קאַמפּף צווישען רב און מאַראַן

איז אייגענטליך נישטא, נאר גלאט: פריהער קומט איינער און שלעפט, דערנאך קומט דער אנדערער און שלעפט.

דיא טעכניק איז קינדיש, אומגעלומפערט. מאנאלאגען, לאנג וויא דער גלות, האלט מען צו דיא שטומע, גלייכגילטיגע װענד. צעהן מאל לאזט זיך אראב דער פארהאנג, איידער מען קומט צו א תכלית אין סאמע עק דראמא. דיא ראליען זיינען אזוי איינגעטהיילט, דאס דיא וויכטיגסטע פערזאנען פטר'ט ער אב מיט געצעהלטע שורות, און דיא נישט־וויכטיגע, דיא גאר איבעריגע, באלאמאטשען זיך אב כסדר איין זייטעל נאך'ן אנדערען און דערעסען אייך וויא א ביטערע ציבעלע.

דאס אינערליך לעבען פון א אידישער קהלה אין יענע צייטען, דיא שטימונג פון דער בעוואפענטער מאסע, דיא נעכטיגע קרעמער, ארענדאטארען און מה־יפת אידלעך, — דאס וועט איהר אין דראמא נישט געפינען. דעם אויבען־אן האט דער שרייבער איבערהויפט אבגעגעבען דיא גוים: פון ניינצעהן האנדלענדע פארשוינען זיינען אידישע נפשות פאראן נישט מעהר וויא פיער, ס'הייסט אפילו נישט פיער, נאר דריי, ווייל איין אידען הייגט מינסקי אויף נאך אין דעם עפילאג.

פון דעסטוועגען איז דאס פארט דאס ווערק פון א בעגאבטען שרייבער און א פאאר מעלות האט דאס אויך. נישט שלעכט איז דער טולטשינער רב, און שוין גאר נישט קשה'דיג זיינען קריוואנאס, דער קסענדז, א צוויי־דריי פאנען. איינינע סצענען מאכען א שטארקען איינדרוק מיט זייער טראגישקייט.

דיא איבערזעצונג איז גאנץ אידיש און גאנץ ליטעראריש, אבער עס פעהלט עפעס אין איהר ריכטונג, ווארימקייט, הארץ. א פאאר וויכטיגע גרייזען האבען מיר אויך געפונען: מלחמה אנשטאט שלאכט. די שרייבסט־איבער אנשטאט איבערטרייבסט א. ד. גל. נישט שטריינג איז אויך אבגעהיט דאס אויסלעגען פון דיא ווערטער — אן אלגעמיינע צרה ביי דיא אידישע איבערזעטצער.

דאס צווייטע ביכעל „דיא אידישע טארבע“ איז א קינד א פערזעהענים און האט דארום זעהר א קליינעם ווערטה פון ליטערארישען שטאנדפונקט. דאס לעבען, וואס ווערט בעשריעבען אין דיא זעקס קליינע ערצעהלונגען, וואלט געווען גאנץ אינטערעסאנט, ווען ישעיה לערנער זאל וויסען וויא עס צו בעשרייבען. ישעיה לערנער אויך קיין מחבר נישט, אבער א מחבר'שע נשמה האט ער יא. עס באמבעלט זיך עפעס ביי איהם אין קאפ רעיונות, געשטאלטען, בילדער, טראגישע בעגעגעניסען און צוזאמענשטויסונגען. אבער נעהמט ער זיך נאר דאס אלץ אריבערצוטראגען אויפ'ן פאפיער, קומט ארויס א מאכעריי, אז גאט זאל רחמנות האבען. עס קאן מעגליך זיין, אז אויב לערנער וואלט געהאט איבער זיך ווען ניט איז א שטרענגען רעדאקטאר, וואלט פון איהם מיט דער צייט אפשר יא ארויס א שרייבער, פערשטעהט זיך, פון דעם קליינווארג. אבער קיין רבן האט דער מענש על כל פנים נישט געהאט, און ווער ווייסט, מיט וויעפיעל נאך „טארבעס“ ער וועט בעגליקען דיא וועלט.

אן ארימע שפראך, א נישט־ליטערארישער אלט־פריינקישער סטיל, נישט־אויסגעהאלטענע כאראקטערען, אומגעלומפערט בעארבייטע טהעמאס, און צו דיא אלע מעלות ניין מאס רייד וויא פון א אידענע.

היינט דאס אויסלעגען פון דיא ווערטער! טאטע זיסער! „א קוה איז געפלויגען איבער'ן דאך און האט געלעקט אן איי.“ (זייטעל 28). „דיא איינוואהנער האבען זיך געמוזט בעניגען מיט'ן געדוכטען וואסער“ (ז. 7). און נאך אזוינע פערעל מיט דיאמאנטען.

ח. א—ון.



Photo Copyright by Mishkin

די צוקונפט

No. 6. JUNE 1906. Vol. XI

מאקסים גארקי

פון יעקב גאָרדין.

.1

מאַקסים גאָרקי איז יעצט אַלט 37 יאָהר.

מיט צוועלף, דרייצעהן יאָהר צוריק האָט קיינער דעם נאָמען ניט געהערט. יעצט איז מאַקסים גאָרקי בעקאַנט דער גאַנצער לעזענדער וועלט. אַ מענש אָהן אַ נאמען, אָהן יחוס, אָהן א משפּחה, אָהן אַ פּאַטענט אויף בילדונג, אָהן אַ דיפּלאָם פון אַן אַקאַדעמיע, אָהן אַן אַטעסטאַט פוֹן א שוהלע, אָהן א הסכּמה פון אַ רבי, אָהן דיא הילפע פון אַ מעצענאַט, — אַ מענש, וואָס האָט אָנגעפאנגען זיין קאַריערע אלס א לעהרן־יונגעל ביי אַ שוסטער און האָט דערגרייכט ביז דעם העכסטען קורס פון א באָסיאַק; אַ טרעמפּ, וועלכער האָט ארומגעוואנדערט מיט „דונקעלע“ סוביעקטען איבער דיא גרויסע סטעפּען פון רוסלאנד און האָט זיך אומגעוואלגערט מיט „געפאַלענע“ מענשען אין דיא פינסטערע גריבער פון דיא גרויסע שטעדט ביים שוואַרצען מעער; — אַזאַ מענש האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבען איבער דיא קעפּ פון טויזענדער געלערענטע און געשולטע שרייבער און דיכטער און האָט זיך געשטעלט אין דיא ערשטע רייהען פון פּאָעזיע און ליטעראטור! אַזאַ ראַשער, אַזאַ אונגעוועהנליכער ערפאָלג רופט אַרויס א געזעצליכען געפיהל פון נייגירדע: וויא אַזוי האָט זאָ וואס געקענט געשעהען? מיר וויסען, אין אונזערע צייטען טרעפּען זיך ניט קיין נסים. און אויב אַזאַ פאקט איז געשעהען, זיינען געוויס דאָ גרינדליכע אורזאַכען.

אמת, דיא געשיכטע פון ליטעראטור ערצעהלט אונז וועגען גרויסע „בעריהמטהייטען“, וועלכע האָבען געשיינט אויפן הימעל פון ערפאָלג נאָך מיט מעהר גלאַנץ און פּראַכט, וועלכע זיינען אָבער באַלד פון׳ם הימעל אַרונטערגעשמיסען געוואָרען אין׳ם אבגרונד פון פערגעסענהייט. זייערע נעמען האָבען אַ בליץ געטהאָן וויא פייערווערק, וועלכע זיינען באַלד פערלאָשען געוואָרען. מענשען, מיט זייער וויייניג טאַלענט, וויא צום ביישפּיעל דער איטאַליענער מאַטעסטאַסיאָ,*) אָדער גאָר אָהן אַ פונק טאַלענט, וויא דער פראַנצויז סקריב, האָבען אַמאָל גערוישט און געקלונגען איבער דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, און צעהן יאָהר נאָך זייער טויט האָבען זיך זייערע ווערקע פערקויפט אויפ׳ן פּוד צו קרעמער וואָס האַנדלען מיט הערינג. דער ערפאָלג פון אַזעלכע „דיכטער“ ערקלערט זיך דערמיט, וואָס זיי האָבען פּאַבריצירט דאָס, וואָס האָט געקענט אָבנאַרען, פערבלענדען, ענטציקען, קיצלען דיא נערוועז. זיי האָבען געוואוסט, אַז פּאָמפּ און סענסאַציאָן ציהט מעהר דיא אויפמערקזאמקייט פון פּובליקום איידער אמת׳ע פּאָעזי און קונסט. זיי האָבען ניט בעריהרט קיין סאָציאַלע פּראַגען, ניט געטשעפּעט דיא אַלטע געטער, ניט געזוכט קיין חסרונות אין געזעלשאפטליכען לעבען, ניט קריטיקירט דאָס עקזיסטירענדע... זיי האָבען פּשוט גע׳חנפ׳עט דעם המון און

---

*) וועגען דער, אין יעדען פאל, מערקווירדיגע ראָלע, וואָס מאַטעסטאַסיא האָט געשפּיעלט אין דער דראַמאַטישער און מוזיקאַלישער וועלט, וועל איך אַמאָל שרייבען אין דער „צוקונפט.“ י. ג.

דער המון האָט געפּאַטשט בראַווא און געשריגען „הורראַ" !

מיר ווייסען אָבער, אַז מאַקסים גאָרקי האָט זיך צוקריגט מיט אַלע געטער. ער האָט קיינעם ניט געשאַנעוועט און קיינעם ניט גע'חנפ'עט. ער האָט זיינע העלדען ניט אַרויסגעפיהרט אין טהעאַטראַלישע מאַנטלען, אונטערגעפּאַרבטע און פּערגרימירטע, — ער האָט זיי אַרויסגעפיהרט האַלב נאַקעטע, באַדעקט מיט שמאַטעס, אָבער דאָך אַזוי פּיעל „ענפּלעקטע", אַז מיר האָבען געזעהען זייערע צופּוילטע וואונדען, דעם שמוץ און דיא אונצוכט. ער האָט אַראָבגעריסען דיא מאַסקע פון דער שטאָלצער מאַדאַם ציוויליזאַציע און האָט געוויזען איהר אַבשייליכען, פון „סעקרעטנע" קראַנקהייטען, צוגעסענעם פּנים. ער האָט געוויזען דיא געשווירען און דיא מכות פון'ם גאַנצען געזעלשאַפטליכען קערפּער... ער איז ניט געגאַנגען מיט דעם אַלטען איינגעטראָטענעם וועג, נאָר האָט זיך אַליין דורכגעפיהרט אַ נייעם מאַרשרוט, און דאָך האָבען איהם אַנערקענט אַלע קלאַסען לעזער און האָבען איהם געלעזען מיט פערגניגען זאָגאַר דיא, וועלכע האָבען געהאַט אַ רעכט אויף איהם ברוגז צו ווערען.

וואָס־זשע האָט איהם געשאַפען אַזאַ אונגעוועהנליכען, אַזאַ זעלטענעם ערפאָלג ?

2.

הערט וואָס מאַקסים גאָרקי דערצעהלט אונז אין זיינע שריפטען :

דער גאָלדענער גאָט האָט איינגעשמידעט דעם מענשען אין אייזען. דיא גאַנצע ציוויליזירטע וועלט איז פערהילכט מיט דעם קלאַנג פון אייזען... רעלסען סקריפּען, לאָקאָמאָטיווען ברויזען, מאַשינען פייפען, רעדער און צילינדער רוישען. אַ ווילדע, זודיגע, אונאויפהעריגע ארבייט געהט אָן טאָג־טעגליך. דער מענש לויפט אין אַ אימפּעט, שלעפּט משאות, טראָגט פּעק סחורות, לאַדעט אָן שיפען, פּיללט אָן וואַגאָנען... דיא אייזערנע מאַשינע איז דער אונגעהייערער אָבגאָט און דער מענש איז פון איהם פערשקלאַפּט און פערשראָקען... אַלעס איז אין דער געזעלשאַפט אויפגערעגט, צודולט, פערקנעכט, אָבגעשוואַכט, צוזאַמענגעדריקט... קיינער וואַגט ניט אַטהמען פריי, קיינער האָט ניט קיין פרייע שטימע... דיא פּערזענליכקייט פון'ם איינציגען איז צוקוועטשט און פערקריפּעלט. אין דיא דערפער הערשט נויט און פינסטערניס, אין דיא שטעדט איז ענג און שמוציג. מענשען לעבען וויא מוראַשקעס אין אַ ענגען גרוב, מען שטויסט איינער דעם אַנדערן, מען עסט איינער דעם צווייטען, מען האַלט זיך אין איין שרעקען פיר דעם מאָרגענדיגען טאָג. קליינליכע זאָרג מאַכען דעם מענשען קליין... דיא עקזיסטירענדע אָרדנונג פון'ם לעבען מאַכט דעם מענשען אונפעהיג און רויבט זיין פערזענליכע איניציאַטיווע... דער מענש, מיט קייטען אויף זיינע פיס, מוז געהן מיט'ן שטראָם, ער קען ניט אַראָבקעהרען אָן אַ זייט. ער מוז זיין געהאָרכזאַם, געמעסיגט, פאָרזיכטיג... געהאָרכזאַם, געמעסיגט דאַרף זיין דער מענש, געהאָרכזאַם און געמעסיגט דאַרף זיין דיא וויסענשאַפט, דיא קונסט, דיא ליטעראַטור... מענשען געהען צום גליק און פרייהייט, פּונקט אַזוי וויא אַרעסטאַנטען, וועלכע מען שיקט קיין סיביר. זיי זיינען געקליידעט אין אַרעסטאַנטסקע קליידער, מיט געלע, רויטע און שוואַרצע סמנים אויפ'ן רוקען, מען זאָל וויסען צו וועלכע קאַטעגאָריע פערברעכער יעדער פון זיי געהערט, — מיט שווערע קייטען אויף דיא פיס, מיט שווערע קייטען צוגעשמידט איינער צום אַנדערן, אַרום זיי גרויזאַמע וועכטער מיט ביקסען און שווערדען... זיי שלעפּען זיך לאַנגזאַם פון איין עטאַפּ צום צווייטען און דיזע עטאַפּען רופען זיך: דיא סטאַנציאָנען פון פּראָגרעס ! . . .

אָבער מיינט ניט, אַז ווירקליך אַלע געהען מיט דעם עטאַפּ... עס איז דאָ אַ מענש, וואָס שפּאַצירט זיך אום אַ פרייער מיט זיין אייגענעם וועג... מיט פעראַכטונג און האַס קוקט ער אויף דעם פערהיפּנאָטיזירטען, צוקאַליעטשעטען אָרדנונגס־מענשען. ער לאַכט פון זיינע קייטען און פון דיא אַלע געזעצען פון זיין לעבען. ווייסט איהר, ווער דער דאָזיגער מענש איז? דאָס איז דער היימלאָזער, באָרוועסער, שמוציגער, הונגעריגער באָסיאַק!... זיין בילדונג קריגט ער אין אַסטראָג, אין קאַבאַק, אין הייזער פון אויסגעלאַסענהייט און זיין לעבען לעבט ער אין גריבער, אין העהלען, אויפן פרייען פעלד, אין וואַלד, אויפן ברעג ים, אויף דיא „מאַגילעס" פון דיא גרויסע מאַלאָרוסישע סטעפּפּען. אין איהם זידט און קאָכט אַ גאַנצער פּאָנטאַן פון לעבען און ער לעבט, ניט וויא יענער וויל, וויא דער כלל פאָדערט, ער לעבט וויא ער אַליין וויל! דיא מענשען, וועלכע געהען אין דיא שטיוועל פון אָרדנונג זיינען טהעטיגע מענשען, דיא באָרוועסע אָבער זיינען מענשען דער טהאַט... דיא ערשטע זיינען בעשעפטיגט, זיי האָבען אָבער ניט קיין מוטה און קיין קראַפט צו טהאָן וואָס. דער באָרוועסער איז פול מיט ענערגיע, קראַפט, בעשלאָסענהייט, פעהיגקייטען... און אויב דאָס אַלעס ווערט ניט אויסגענוצט איז אין דעם שולדיג ניט ער, דער באָרוועסער, נאָר דער מענש אין דיא שטיוועל... דער מענש אין דיא שטיוועל אַרבייט פיר יענעם, דער באָרוועסער ווייסט אַז דיא אַרבייט פערשקלאַפט און ער וויל אַפילו ניט

אַרבייטען פיר זיך אַליין. דער מענש אין דיא שטיוועל האָט אַ פונט רעכטע און פערציג פּוד פּליכטע, דער באָרוועסער זאָגט: איך בין דיר מוחל דיינע רעכטע און וויל ניט קיין פליכטע... איך בין אַן אַרויסגעוואָרפענער? הייסט עס, איך בין פריי, און אַז איך בין פריי מעג איך דאָך שפּייען... שפּייט ער אויף דער גאַנצער וועלט מיט אַלע איהרע געזעצע, זיטטען, אינסטיטוטען. ער שטעהט פון יענער זייט פון דעם זאָגענאַנ־טען ציוויליזירטען לעבען... איהר ווילט איהם זעהען דעם באָרוועסען, הונגעריגען, מיטעל־לאָ־זען, האַלב ווילדען, פילאָזאָפישען, זאָרג־לאָזען, רוהיגען, פרייען מענשען? אָט ליגט איי־נער, אַ געוויסער יעמעליאַן פּיליאַי אויפען זאַמד מיט דיא פיס צום ים, מיטן קאָפּ צו דער גרוי־סער פרייער סטעפּע, און מיטן רוקען צו דער זונן. דיא וועללען פון ים קייקלען זיך צו און וואַשען זיינע שמוציגע, באָרוועסע פיס, דיא ליכטיגע זונן בעקליידעט זיין גאַנצען קערפּער מיט אַ מאַנטעל פון שטראַהלען און דער פרייער ווינד פון דער סטעפּע וועהעט איהם אין דעם פערבראַנזעטען געזיכט און זינגט איהם אַ ליעד. ער פלוכט דיא גאַנצע געזעלשאַפט, שפּאָטעט פון דעם וואָס איז רעכט און אונרעכט און צייגט אין דערזעלבער צייט, אַז ער האָט אַ נשמה פון אַ מענשען . . .

3.

דיא וואָס קענען ניט שעצען מאקסים גאָר־קי'ס טאַלאַנט, רעכענען פיר חסרונות פּונקט דאָס, וואָס עס געהערט צו זיינע מעלות. ער, זאָ־גען זיי, איז אַ רעאַליסטישער שרייבער, וועלכער שרייבט ניט נאָך דיא געזעצען פון רעאַליזמוס... זיינע באָרוועסע העלדען פילאָזאָפירען צופיעל, זיינע הונגעריגע מענשען זיינען מאַנכעס מאָל צו גרויסע דענקער. אין זיינע דראַמען, — זאָגען זיי — ווערען איגנאָרירט אַלע פּאָדערונגען פון דער ביהנע. גאָרקי זאָל געהן מיטן אַלטען וועג, זאָל אַכטען דיא אַלטע געזעצע פון רעאַליזמוס, זאָל זיין געהאָרכזאַם און געמעסיגט, וואָלט ניט געווען גאָרקי. זיין מאַכט איז אין זיין אונ־אַבהענגיגקייט און אין זיין אָריגינאַליטעט. זיין שטימע איז אַ פרישע, יונגע, נייע, מאַכטפאָלע שטימע. אַ זשעני זאָגט וואָס ער וויל, אַזוי וויא ער וויל און ער ווייסט, אַז ער וועט צווינגען מען זאָל איהם אויסהערען. ער האָט אין זיין שרייבען אַזוי פיעל צוציהענדעס, שעהנעס, וואָהרעס, אַז איהר מוזט הערען זאָגאָר דאָס, וואָס אייך צייגט זיך ניט ריכטיג. איהם קימערט וויניג, וואָס אייך דוכט זיך. ער וויל אייך ניט נאָר אַמוזירען, נאָר אויך בעלערנען. ער וויל איהר זאָלט ניט נאָר הנאה האָבען פון זיינע בילדער, נאָר איהר זאָלט אויך דענקען וועגען דעם וואָס ער האָט געשילדערט. אַ גרויסער קינסטלער איז שטענדיג אַ גרויסער לעהרער! גאָרקי איז אַ גרויסער לעה־רער, ער האָט געשטודירט אין דעם גרויסען אוּ־ניווערזיטעט, וועלכער רופט זיך נאַטור און זיין פּראָפעסאָר איז געווען דאָס לעבען אַליין. אומ־וואַנדערנדיג איבער דיא סטעפּען און ביי דיא ימים האָט ער אין זיך איינגעזויגען דיא קראַפט פון'ם ים און דיא מאַכט פון דער סטעפּע און דיזע קרעפטע הויכט ער אויס אין זיין שרייבען. ער איז אַ קרעפטיגער שרייבער און ער פערגע־טערט דיא קראַפט. דיא בורזשואַזנע שרייבער, וויא צום ביישפּיעל, טשעכאָוו, האָבען געשיל־דערט דיא אונמאַכט. גאָרקי מאַהלט די מאַכט. זיי האָבען געשילדערט וויא דיא צודריקטע מענ־שען „אין שטיוועל" וואַנדערן אַרום וויא שוועכ־לינגע, ווי שאָטענס. גאָרקי פּאָעטיזירט דיא קראַפט, דיא ענערגיע, דעם מוטה, דיא בעשלאָ־סענהייט, דעם קוראַזש; וועלכע ער געפינט ביי דיא „מענשען אָהן שטיוועל", ביי דיא מענשען, וויא איינער פון זיינע באָסיאַקעס רעקאָמענ־דירט זיך אַליין, „סאַן סאַפּאַגי"... זיי האָבען גע־שילדערט מענשען, וועלכע טראָגען שטיוועל און זאָגאַר קאַלאָשען אויך, אָבער וועלכע האָבען קיין בלוט אין דיא אָדערן, קיין לעבענס־לוסט, קיין אמת'ע נאַטירליכע ליידענשאַפט, און וועלכע קריגען דעם קאַטער ווען אויף זיי גיט נאָר אַ בלאָז אַ ווינטעלע. גאָרקי שטעלט אונז פאָר מענ־שען אין וועלכע עס ברענט אַ דורשט פון לע־בען, לוסט, ליידענשאַפט, אַ שטרעבונג צו געני־סען, וועלכע זינגען ווען עס דונערט און שטורעמט און לאַכען, ווען דער רעגען שלאָגט זיי און דער ווינד בלאָזט זיי אין געזיכט. זיי האָבען געשיל־דערט געזעלשאַפטליכע פּרויען, וועלכע זיינען פּערקריפּעלט געוואָרען דורך דעם, וואָס מען האָט אין זיי איבער־ענטוויקעלט דיא געפיהלע פון אַ מוטער. גאָרקי שילדערט פּרויען, וועלכע ווילען ניט אַז דיא מוטער געפיהלע זאָלען אין זיי טוי־טען דיא געפיהלע פון אַ געליעבטע.

גאָרקי זאָל זיין אַזאַ רעאַליסט, וויא דיא קאַזיאָנע רעאַליסטען, וואָלט ער גענומען דעם אויסוואורף פון אונזער געזעלשאַפט, דעם שמוץ פון אונזער לעבען און וואָלט עס רעפּראָדוצירט וויא שמוץ און אויסוואורף... ער פרעהמט אָבער איין זיינע רעאַליסטישע בילדער אין שעהנע ראָמאַנטישע ראַהמען. ער נעהמט פיר זיינע אַרעמע, שמוציגע, באָרוועסע העלדען דיא שעהנ־סטע און רייכסטע אויסשטאַטונג, וואָס דיא נאַ־טור קען געבען: ליכט און שטראַהלען, וואַלד און טוזאָלען, סטעפּען און ווינד... מעער און וועללען.. וויפיעל ים! וויפיעל ים גאָרקי האָט! דער אַט־

לאנטישער און דער שטילער — ביידע גרויסע אקעאנען האבען אין זיך ניט אזוי פיעל ים, וויפיעל גארקי האט אין זיינע ווערקע!... דער ים רעדט ביי איהם, דער ים טרוימט, דער ים בייזערט זיך, דער ים לאכט, דער ים ערצעהלט...

מאקסים גארקי האט אין זיך פעראייניגט ביידע עלעמענטען פון דער שעהנער ליטעראטור. ער האט דיא רעאליסטישע קראפט צו שילדערן דיא ווירקליכקייט וויא זיא איז, און בעזיצט די ראמאנטישע פאנטאזי די זעעלע פון ווירקליכקייט צו פאעטיזירען. אין דעם ליעגט דיא געהיימניס פון זיין זעלטענעם, אונגעוועהנליכען, אבער כשר פערדיענטען ערפאלג... זיין מאכט איז ניט אין'ם אנאליז *), נאר אין דעם סינטעז **) סינטעטישע פאעזי לעבט אייביג!

יעקב גארדין בעט אונז בעמערקען, אז דיזער קורצער ארטיקעל איז נאר איין איינלייטונג צו א גרעסערן ארטיקעל איבער מאקסים גארקי'ס ווערקע. רעד.

*) אנאליז — צוגליעדערן דאס וואס עקזיסטירט.
**) סינטעז — דיא פעראייניגונג פון דיא געגעזעצטע צו נייע, העכערע פארמען.

דיא אימיגראציאן און דיא אידען

פון דר. י. מ. רובינאוו.

די פראגע וועגען אימיגראציאן, וועלכע ווערט איצט פערהאנדעלט אין דער פרעסע און וועט, וואהרשיינליך, באלד פערהאנדעלט ווערען אויך אין קאנגרעס, האט פאר דיא לעזער פון „צוקונפט" א גאנץ בעזונדערע בעדייטונג צוליעב פיעל אורזאכען: אמעריקאנער בירגער שוין איצט, אדער אין דער צוקונפט, מוזען זיי, נאטירליך, זיך אינטערעסירען מיט פראגען, פון וועלכע עס הייננט אב אין א געוויסען גראד דיא צוקונפט פון לאנד. אלס ארבייטער איז פאר זיי וויכטיג צו וויסען, אויף וויא ווייט דיא נייע איינוואנדערער קענען זיין פאר זיי קאנקורענטען. אלס סאציאליסטען דארף זיי אינטערעסירען ארומצוקלעהרען, וויא אזוי קען מען צוציהען דיא נייע אנגעקומענע ארבייטער מאסען צום סאציאליזמוס.

אבער מעהר וויא אלץ דארף זיי אינטערעסירען דיא אימיגראציאנספראגע אלס אידען — הויפטזעכליך אלס רוסישע אידען.

דיא האפנונג, וואס האט זיך בעוויעזען אין דעם טאג פון 30 אקטאבער, אז באלד וועט אין רוסלאנד געענדערט ווערען דיא גאנצע פאליטישע סיסטעם און עס וועט שוין קומען פאר דיא רוסישע אידען די אמת'ע ישועה, אז באלד וועלען אין רוסלאנד אבגעשאפט ווערען אלע אויסנאהמסגעזעצען און דיא אידען וועלען ניט דארפען וואנדערן אין פרעמדע לענדער. דיעזע האפנונג האט געדויערט פונקט צוויי טעג. עס זיינען נאכהער געקומען דיא בלוטיגע, שוידערליכע פאגראמען-טעג, און דיא עמיגראציאן האט זיך ניט נור פארגרעסערט אין פערלויף פון לעצטען האלב יאהר, נור יענע שחיטות האבען אזוי טיעף זיך איינגעגעסען אין דער נשמה פון דיא פינף מיליאן רוסישע אידען, אז דיא ערינערונג אליין אן יענע שוידערליכע טעג וועט נאך פיעל יאהרען טרייבען הונדערטע טויזענדע אידען קיין אמעריקא.

מיר האבען פערשיעדענע מיינונגען וועגען די צוקונפט פון אידישען פאלק. אבער מיר אלע האבען אזוי פיעל ערנסטע סימפאטיען צו דיא רוסישע אידען, צו פערלאנגען, אז דיא אונגליקליכע עמיגראנטען זאלען געפינען אין אמעריקא אפענע טהירען.

דער אמעריקאנער בעטראכט דיא אימיגראציאנס פראגע נור פון זיין אייגענער עגאָאיסטישע אינטערעסע: אויף וויא ווייט דיא אימיגראנטען קענען איהם ברייננען נוצען, מיר אבער, רוסישע אידען וואס וואהנען אין אמעריקא, קענען ניט קוקען אזוי איינפאך אויף דיא פראגע, פאר אונז איז עס א שווערע, פערוויקעלטע פראגע, וועלכע פאדערט א פיעלזייטיגע בעטראכטונג. און אין דעם בעשטעהט טאקע דער צוועק פון דיעזע ארטיקלען.

— — — — — — — — — — — —

1.

פאר וועמען איז די אימיגראציאָן ניטצליך ?

איז דיא אימיגראציאָן ניטצליך, אָדער שעדליך ? דיא פראגע ווערט היינט דעבאטירט פון זשורנאליסטען, פּאָליטיקער און פּראָפעסאָרען.

א בורזשואזנער פּראָפעסאָר קלעהרט. „צו איז דיא איינוואנדערונג ניטצליך פאר דעם גאנצען אמעריקאנער פּאָלק?“ ווער עס האָט אָבער דיא קלענסטע ידיעה וועגען דיא פילאָזאָפיע פון קלאסען־קאמפף, וויים גאנץ גוט, אז דערען פון דיא נוטצען אָדער שאדען פאר דעם גאנצען פּאָלק איז אן אונזין, ווארום דער גאנצער אמעריקאנער פּאָלק קען ניט האָבען איינע אינטערעסען: וואָס פאר איין קלאס איז ניטצליך, איז פאר דעם אנדערן קלאס אָפט שעדליך און פערקעהרט. אויף יענע פראגע קענען מיר אלזאָ ענטפערן מיט אן אנדער פראגע: פאר וועלכע קלאסען אין אמעריקא איז דיא אימיגראציאָן ניטצליך און פאר וועלכע איז זיא שעדליך?

אז פאר די אימיגראנטען אליין איז דיא אימיגראציאָן נוצליך אָדער וועניגסטענס ברייננגט זיי פאָרטהייל, דארף מען ניט האָבען קיין ספק ראיות; ווען ניט, וויא וואָלט מען געקענט ערקלעהרען, וואָס דיא איינוואנדערונג וואקסט פון יאהר צו יאהר ?

דער גרעסטער טהייל פון דיא איינוואנדערער פאָהרט שוין היינט ניט סתם אין דער וועלט אריין, אין דער האָפנונג, אז אין אמעריקא וואלגערט זיך גאָלד אויף די גאסען, דער גרעסטער טהייל פון דיא עמיגראנטען וויים היינט פאָראויס גאנץ גוט דורך קרובים און בעקאנטע, וואָס זיי ערווארטעט אין נייעם פאטערלאנד, דאָס זעהט מען שוין דערפון אליין, וואָס דיא צאָהל עמיגראנטען ענדערט זיך נאָך דיא פערהעלטניסע אין דיא פעראייניגטע שטאאטען, שוין ניט ריידעניג וועגען אזוינע ספּעציעלע אורזאכען וויא דיא פערפאָלגונגען פון דיא אידען אין רוסלאנד.

אין יאהר 1891 ביז 1893, בשעת די צייט איז געווען ניט שלעכט, זיינען אָנגעקומען אהער יעהרליך 562 טויזענד עמיגראנטען. און אין דיא יאהרען פון 1894 ביז 1896 נאָך דעם וויא דאָ האָט אויסגעבראָכען א קריזים, זיינען אָנגעקומען ניט מעהר וויא 3 הונדערט מיט 13 טויזענד א יאָהר. אין 1896 ווען דיא לאגע אין אמעריקא איז געוואָרען ווידער בעסער האָט די אימיגראציאָן שוין ווידער גענומען ווערען שטארקער. עס איז אָבער געקומען א נייער קריזים און אין די יאהרען פון 1897 ביז 1899, איז דיא אימיגראציאָן גלייך אראָפּגעפאלען נאָך נידעריגער אויף 257 טויזענד א יאָהר. פארקעהרט שפּעטער, אז עס האָט זיך אָנגעהויבען דער פּעריאָד פון „פּראָספּעריטי“ וועלכער האלט זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג האָט די אימיגראציאָן אָנגעהויבען שנעל וואקסען. אין 2־1900 זיינען אָנגעקומען צו 600 טויזענד מענשען א יאָהר, און אין 5־1903 זיינען אָנגעקומען 900 טויזענד א יאהר. מיט איין וואָרט דער צושטאנד פון דער אימיגראציאָן איז אבהענגיג פון דעם צושטאנד פון ארבייטס־מארקעט אין אמעריקא.

דיא פראגע איז אָבער: צו איז דיא איינוואנדערונג ניטצליך פאר דיא פעראייניגטע שטאאטען ?

אויף דיא פראגע קענען געגעבען ווערען פערשיעדענע ענטפערס. אין דיא לעצטע יאָהרען אונטער דעם איינפלוס פון דער שנעל וואקסענדער אימיגראציאָן, האָבען פון אלע זייטען זיך גענומען הערען פּראָטעסטען און עס האָבען זיך גענומען שיטען פּלענער וויא אזוי איינצוהאלטען און בעשרענקען דעם איינוואנדערונגס שטראָם, דיא נייעס וועגען דעם האָט מען פארנאנדערגעטראָגען איבער דער גאנצער וועלט. מען קען דענקען, אז דיא פעראייניגטע שטאאטען זיינען שוין איבערפילט מיט מענשען, און מען האָט גענומען מורא האָבען פאר דיא אימיגראציאָן. ווייל זיא איז מעהר ניט נויטיג, זאָגאר שעדליך און אז דערפאר קען מען אין קורצען ערווארטען בעשריינקונגען. אין דעם זין רעדט מען ניט נור אין אמעריקא, זאָנדערן אויך אין רוסלאנד אין די רוסישע און אידישע צייטונגען.

מיר נעהמען זיך דיא פרייהייט צו זאָגען, אז דיא וואָס דיינקען אזוי זיינען ווייניג בעקאנט מיט דער ווירקליכקייט און געשיכטע פון דיא פעראייניגטע שטאאטען.

פון דיא צייט אָן, וואָס קאָלאָמבוס האָט ענטדעקט אמעריקא, ביז היינטיגען טאָג, האָבען דיא אמעריקאנער ניט אויפגעהערט צו קוקען אויף דיא איינוואנדערער אונפריינדליך, זאָגאר מיט שנאה. אז דער גרויסער עקאָנאָמישער פּאָרשריט אין וועלכען דיא פעראייניגטע שטאאטען געפינען זיך, איז געשאפען געוואָרען פון דיא איינוואנדערער, דאָס איז גאָר איבריג צו בעווייזען. פון דעסטוועגען האָט פון ערשטען טאָג וואָס דיא רעפּובליק איז געגרינדעט געוואָרען ביז היינט, ניט אויפגעהערט דיא מעהר אָדער ווייניגער ענערגישע אגיטאציאָן געגען דיא „פרעמדע“. צום טהייל קומט דיא שנאה צו אימיגראנטען פון מענשען וואָס האָבען באמת א אינטערעס מורא צו האָבען פאר דיא קאָנקורענץ פון דיא איינוואנדערער. צום טהייל איז עס דורך אונבעוואוסטזיניגע שנאה צו אלץ וואָס איז

פרעמד און די שנאה געפינען מיר אָפט זאָגאר ביי מענשען, וועלכע האָבען זיכער גרויסע נוצען פון וואוקס פון איינוואַנדערונגס שטראָם.

פאַר וועמען איז ניצליך און פאַר וועמען איז שעדליך דיא איינוואַנדערונג ?

יעדער פערשטעהט, אַז דיא איינוואַנדערונג איז אָפט זעהר ניצליך פאַר דיא פאַבריקאַנטען, דיא בעזיצער פון דיא קאָהלען־גרובען, איבערהויפּט פאַר אַלע אַרבייטס־געבער, וועלכע שטרעבען דערצו צו קויפען די אַרבייט וואָס ביליגער. אָבער דאָס איז ווייט ניט דער איינציגער קלאַס מענשען, וועלכער האָט נוצען פון דער אימיגראַציאָן. דער וואוקס פון דער בעפעלקערונג איז איבערהויפּט ניצליך פאַרן קאַפּיטאַל, ניט נור דערמיט וואָס ער דריקט דעם אַרבייטס־לוין, נור אויך דערמיט וואָס ער פערגרעסערט דיא נאַכפראַגע אויף סחורות. פון דיא אימיגראַציאָן ערוואַרטען פּראָפיטען דיא אייזענבאַהנען און יעדע שטאָדטישע אונטערנעהמונג.

דער אונטערנעהמער קלאַס איז אַ גרויסע מאַכט, ער איז אָבער קליין אין צאָהל. דער נוצען אָדער שאַדען פון דער אימיגראַציאָן געהט אין אמת'ן פיעל ווייטער. עס איז קיין ספק ניט, און קיינער לייקענט עס אויך ניט אָפּ, אַז פאַר דיא לאַנד־בעזיטצערס (פאַרמערס) איז זעהר ניצליך ניט נור דיא אימיגראַציאָן אין דיא שטעדט, זאָנדערן אויך אין דיא דערפער. סאָציאַליסטען קענען מסכים זיין אַז דער ווערטה פון דער ערד וואַקסט מיט דעם וואוקס פון דער בעפעלקערונג. אַז דאס איז ריכטיג בנגוע צו ניו־יאָרק און יעדער אַנדערער גרויסער שטאָדט, ווייס יעדער לעזער פון דער „צוקונפט“, וועלכער האָט געהערט וועגען דיא גרויסע פערמעגענס וואָס קלייבען אָן דיא וואָס האַנדלען מיט ערד און הייזער (ריעל עסטייט).

אָבער צו האָט איהר ווען עס איז נאָכגעטראַכט וועגען דעם, אויף וויא ווייט ניצליך עס איז דיא וואַקסענדע אימיגראַציאָן פאַר דעם פאַרמער־קלאַס פון דיא פעראייניגטע שטאַאַטען, בעזונדערס פאַר דעם טהייל פאַרמערס וואָס בעזיצט דיא ערד וואָס זיי בעאַרבייטען ?

ערשטענס, מוז דער פאַרמער אָפט דינגען אַרבייטער, און דיא אַמעריקאַנער לאַנדווירטהשאַפט ליידעט זעהר שטאַרק דערפון וואָס איהר פעהלען אַרבייטס־הענד. דיא פאַרמערס בעגריסען דערפאַר דיא איינוואַנדערער, בעזונדערס אַזוינע וואָס זיינען גענייגט צו ערד־אַרבייט, אָבער נאָך וויכטיגער פאַר דעם פאַרמער איז דאָס אַלץ וואָס העלפט דיא גרויסע שטעדט וואַקסען. און דיא אימיגראַציאָן העלפט זעהר פיעל דעם וואוקס.

מיר וועלען אין דיא ווייטערדיגע אַרטיקלען זעהן, וויא אַזוי מען הערט ניט אויף צו שרייען אין אַמעריקאַ, אַז דיא איינוואַנדערער, וועלכע לויפען פון דיא שטעדט אין דיא פאַרמס, זיי זיינען ניצליך און ווילקאָמען. נור ניט געווינשט און שעדליך זיינען דיא עמיגראַנטען וואָס בלייבען אין דיא שטעדט. מיר קענען זיך איבערצייגען, אַז דער פאַרמער קוקט ניט אַזוי און עס וואָלט טאַקע געווען זעהר נאַריש פון זיין זייט ניט צו זעהן וואָס פאַר איהם איז ניצליך: אַן אימיגראַנט, אַ פאַרמער, קען אָפט זיין אַ קאָנקורענט פאַר איהם, אַ שטאָטישער אימיגראַנט קען קיין מאָל ניט זיין זיין קאָנקורענט. ער איז אָבער אימער אַ קונה אויף זיינע, דעם פאַרמערס, סחורות, אַ מאַן וואָס העלפט פערגרעסערן דיא נאַכפראַגע אויף דיא סחורות, וועלכע ער, דער פאַרמער, שאַפט.

דער פאַרמער הייננט אָפּ פון מאַרקט און וואָס נעהענטער דער מאַרקעט איז, אַלץ בעסער איז פאַר איהם. אפילו פאַר תבואה זיינען דיא אינדוסטריע שטעדט פון מזרח, אַ פיעל מעהר פערטהיילהאַפטער מאַרקט, איידער דיא ענגלישע האַפענס. אָבער, תבואה איז ווייט ניט דיא בעסטע סחורה פאַר'ן פאַרמער. ווען דער מאַרקט געפינט זיך אין ענגלאַנד, דאַן קען דער פאַרמער אַרויספיהרען נור אַזוי פּראָדוקטען, וועלכע מען קען לייכט פערהיטען, אַז זיי זאָלען ניט פערדאָרבען ווערען, וויא צ. ב. תבואה אָדער בוים־וואָל, אָבער וואָס מעהר עס וואַקסען דיא גרויסע שטעדט, ענטוויקעלט זיך אַ גרויסער מסחר פון מילך און מילך־פּראָדוקטען, יאַגדעס, פרוכטען, גרינסען, און כאָטש דיא אייזענבאַהנען רייסען אַראָפּ ביי דיא פאַרמערס אַ גרויסען טהייל פון זייערע פּראָפיטען, דאָך בלייבט נאָך אויך פאַר דיא פאַרמערס פּראָפיט. דאָס קען מען זעהן דערפון, דאָס ערד נאָהענט לעבען דיא גרויסע שטעדט וואַקסט אין ווערטה פון טאָג צו טאָג.

דער נוצליכער איינפלוס פון דיא גרויסע שטעדט פיהלט זיך ניט נור אין דיא ערטער וואָס ליגען נאָהענט לעבען דיא שטעדט. דיא גרויסע שטעדט זיינען אַזעלכע ריעזען־קונדען אויף דיא אַלע זאָרטען סחורות, אַז מען דאַרף האָבען מיליאָנען אַקער ערד צו בעפריעדיגען זייער בעדירפנים.

אין דיא דרום'דיגע שטאַאַטען צ. ב. זיינען דאָ ווייניג גרויסע שטעדט. פון דעסטוועגען פיהלט מען אויך דאָרט דעם איינפלוס פון דיא גרויסע שטעדט. עס איז געווען אַ צייט, ווען

דיא לאַנדווירטהשאַפט דאָרט האָט געלעבט נור פון דער פּראָדוקציאָן פון בוימוואָל, וואָס האָט געדאַרפט געהן אין ענגלאַנד און דיא דרום'דיגע שטאַאַטען האָבען געהונגערט. איצט אָבער, דאַנק דיא נייעסטע פערבעסערונגען און דיא איבער־פיהרונג פון פּראָדוקטען, האָט זיך גענומען פער־שפּרייטען דיא פרוכט־ווירטהשאַפט, און דיא דאָרטיגע פאַרמערס הייבען אָן צוצושטעלען פרוכטען, גרינסען און יאַגדעס אין שיקאַגאָ און אין אַלע גרויסע שטעדט פון דיא צענטראַלע שטאַאַטען.

מיר זעהען אַלזאָ אַז פאַר צוויי גרויסע גרופּען פון אַמעריקאַנער פאָלק איז דיא איינ־וואַנדערונג ניצליך: פאַר קאַפּיטאַל, אינדוסטריע־לען און האַנדעלס קאַפּיטאַל, און פאַר דעם גרוי־סען פאַרמער־קלאַס. מיר זעהען טאַקע אין אמת'ן, אַז דיא קלאַסען דריקען אָפט אויס זייער צופריעדענהייט מיט דעם וואוקס פון אימיגראַ־ציאָן. קאַפּיטאַל געפינט פאַר בעסער ניט אויפ־צוהויבען קיין גרויסען טומעל, כדי אומזיסט ניט אַריינצובריינגען צו שטאַרק אין כעס דיא געגנער פון דער אימיגראַציאָן. ער קוקט אָבער שטריינג נאָך, אַז דיא אנהייגנער פון בעשריינ־קונגען געגען דיא איינוואַנדערונג זאָל אָבקומען נור מיט רייד, מיט פּראָטעסטען, מיט פּראָיעק־טען, אָבער אַז קיין איין מיטעל, וואָס קען ערנסט שאַדען דער אימיגראַציאָן, זאָל ניט דורכגעהן דורכ'ן קאָנגרעס.

דיא פאַרמערס, וועמעס איינפלוס אויף דער געזעצגעבונג איז פיעל קלענער, האָבען ניט איינמאָהל ערקלעהרט אַז זיי האַלטען דיא בע־שריינקונג פון דער איינוואַנדערונג פאַר זעהר ניט ווינשענסווערטה. צום לעצטען מאָהל האָבען זיי עס געטהאָן פאָריגען יאָהר אויף דעם צוזאַ־מענפאָהר „פון דעם נאַציאָנאַלען פאַרמער־קאָנ־גרעס“ אין ריטשמאַנד, ווירדזשיניא.

דערפון וואָס דיא צוויי קלאַסען ווילען ניט, אַז מען זאָל איינהאַלטען דיא אימיגראַציאָן, דערפון וואָס דער גאַנצער דרום, אַ גרויסער טהייל פון לאַנד, זוכט מיטלען זאָגאַר וויא צו פערגרעסערן דיא אימיגראַציאָן — וויא מיר וועלען זעהען ווייטער — שעפּען מיר דיא פעסטע איבערצייגונג, אַז עס וועלען נאָך אַוועק פיעל יאָהרען און קיין איין ערנסטע בעשריינקונגס־מיטעל געגען דער אימיגראַציאָן וועט ניט דורכ־געהן דורכן קאָנגרעס, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס דיא „אַמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר“ פאָדערט עס אַזוי שטאַרק.

אַלס אידען קען דיא האָפנונג אונז בעפרי־דיגען, אָבער צו בעפריעדיגט דער זיעג פון דיא בעזיצענדע קלאַסען אונז אַלס סאָציאַליסטען?

מיר ווייסען אַז אין זעהר פיעלע פעלע זיי־נען דיא אינטערעסען פון קאַפּיטאַל און אַרבייט פיינדליך איינע צו דיא אַנדערע. צו בעווייזט עס, אַז דיא אימיגראַציאָן, וועלכע איז ניצליך פאַר קאַפּיטאַל איז שעדליך און געפעהרליך פאַר דעם אַרבייטער־קלאַס?

מיר ווייסען אַז דיא גרויסע מאַסע בע־וואוסטזיניגערע אַרבייטער, דיא וואָס זיינען פעראייניגט און אָרגאַניזירט אין „אַמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר“ קעמפּפט ענערגיש גע־גען דיא אימיגראַציאָן. מיר ווייסען, אַז דיא ווייַ־טערדיגע איינשריינקונג פון דער אימיגראַציאָן איז דיא הויפּט פאָדערונג פון דער פּאָליטישער פּראָגראַם פון דער „פעדערייישאָן“, אויף וויפיעל גאָמפּערס ערלויבט איהר איבערהויפּט האָבען אַ פּאָליטישע פּראָגראַם. מיר ווייסען, אַז פיעלע ראַ־דיקאַלע עקאָנאָמיסטען ווייזען אויך אָן אויף דיא אימיגראַציאָן, וויא אויף איינע פון דיא הויפּט שונאים פון דיא אַמעריקאַנער אַרבייטער.

דאַס רופט אַרויס אַ גרויסע שפּאַלטונג און ווידערשפּרוך אין אונזער נשמה. מיר קענען זאָ־גען צוזאַמען מיט דעם גרויסען דייטשען דיכ־טער: „צוויי נשמות לעבען אין מיין ברוסט“, דיא נשמה פון אַ אידען און דיא נשמה פון אַ בעוואוסטזיניגען אַרבייטער *). עס פרעגט זיך נור צו קען מען טאַקע ניט פעראייניגען און שלום מאַכען צווישען דיא צוויי נשמות?

כדי צו ענטפערן אויף דיא פראַגע, דאַר־פען מיר טיעפער אונטערזוכען און אַנאַליזירען דעם אמת'ן איינפלוס פון דער אימיגראַציאָן, ניט אויף איינצעלנע גרופּען און טהיילען פון אַרבייטער קלאַס, נור אויף דעם גאַנצען אַרביי־טער־קלאַס בכלל, דאָס וועלען מיר טהאָן אין אונזער נעקסטען אַרטיקעל.

*) דער פּערפּאַסער האָט געקאַנט געפינען אויך אַ דריטע „נשמה“ וואָס לעבט ביי אונז, דאָס איז דיא סאָציאַליסטישע נשמה. פאַר יעדען סאָציאַליסטישען אַרבייטער, גאַנץ גלייך צו ער איז אַ איד, אָדער אַ קריסט, צו ער איז אַ איינגעוואַנדערטער, אָדער אַ גע־באָרענער אַמעריקאַנער איז דיא אימיגראַציאָנס פראַ־גע אַ „ווידערשפּרוך אין זיך זעלבסט.“ זיינע פּשוט'ע, אויבערפלעכליכע עקאָנאָמישע קלאַסענאינטערעסען שטופּען איהם אויף דעם וועג פון געגנערשאַפט צו דיא איינוואַנדערער, דיא קאָנקורענטען. דאָס טהוט דיא „אַמעריקאַן פעדערייישאָן.“ זיינע טיעפערע אַלגעמיי־נערע קלאַסענאינטערעסען, זיינע קלאַסען־סאָלידאַרי־טעט, וועלכע איז געבויט אויף דעם פּרינציפּ „פּראָלע־טאַריער אַלער לענדער פעראייניגט אייך“ הייסט איהם זיך ניט לאָזען פערפיהרען פון עגאָאיזמוס און ניט פערשטויסען דיא נוי־אַריבערגעקומענע, ניט וועלען פערשליעסען דיא לאַנד.

דער ווידערשפּרוך האָט זיך זעהר קלאָהר אַרויס־געוויזען אויפ'ן לעטצטען אינטערנאַציאָנאַלען סאָ־ציאַליסטישען קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם. דער קאָנ־גרעס האָט דעם ווידערשפּרוך ניט געקענט לייזען און האָט דיא פראַגע אָבגעלייגט. דער ווידערשפּרוך איז אויך ניט געלעזט געוואָרען דערווייל אין דער סאָציאַ־ליסטישער ליטעראַטור. רעדק.

ציוניזמוס, טעריטאריאליזמוס און סאציאליזמוס.

3.

סאָציאליזמוס צוליעב ציוניזמוס.

דיא נייע ציוניסטישע בעוועגונג, דער פּאָליטישער ציוניזמוס, האָט באַלד פון אָנפאנג אָן געהאט גרויסע צרות. בעשאפען איז דיזע בעוועגונג געוואָרען אלס מעדיצין, זאָ צו זאָגען, פאר דעם קראנקען אידישען קערפּער; זיא האָט דאס געזאָלט זיין אַ רפואה צו אלע אידישע קראנקהייטען.

נו, האָט אָבער געטראָפען, וואָס עס טרעפט אזוי אָפט אין לעבען: דער חולה האָט ניט געוואָלט נעהמען דיא מעדיצין, מען האָט געטאָהן אלעס מעגליכע, מען האָט פּרובירט איינריידען, מען האָט פּרובירט בעווייזען, אז ער קען חלילה שטאַרבען, ווען ער וועט עס ניט נעהמען; דיא „גרויסע“ האָבען אליין גענומען צו עס־לעפעל יעדער — עס האָט ניט געהאָלפען! דער אמת׳ער חולה, דיא ברייטע אידישע ארבייטער מאַססען, האָבען די רעצעפּט ניט געוואָלט אָנקוקען. אָנשטאָט דעם האָבען זיי זיך געוואָרפען צו דער סאָציאליסטישער בעוועגונג, וועלכע האָט צו דערזעלבער צייט גענומען אויפלעבען אין רוסלאנד. דאָ איז ווידער אַמאָל דאָס ווירקליכע לעבען, און דיא אידעאַלען, וואָס ווערען ארויסגערופען פון דיזען לעבען, געוועזען פיעל שטאַרקער וויא דיא קינסטליך־ארויסגערופענע אידעאלען. דאס לעבען אין רוסלאנד האָט געקאָכט און געזאָטען מיט רעוואָלוציאָנערע געדאנקען און טהאַטען; דיא האָפנונג פון דעם פּראָלעטאַריאט איז געשטיגען; דיא בעפרייאונגס־שטונדע האָט זיך אויסגעוויעזען נאָהענט, און דיא אידישע מאַססע האָבען זיך געוואָרפען אין דעם פייער פון דיזען רעוואָלוציאָנערען קעסעל־גרוב, לאָזענדיג אָן אַ זייט דעם ציוניזמוס מיט זיין גאנצען רעאַקציאָנערען אינהאַלט. דער ציוניזמוס, אום ניט אין גאנצען אָבצושטאַרבען, האָט געמוזט, ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג, נעהמען אַ שטעלונג צו דיזע פיעבערהאַפטע רעוואָלוציאָנערע טהעטיגקייט פון דעם אידישען פאָלק. מיט אַ מאָל זעהען מיר דעם ציוניזמוס ארויף ציהען אויף זיך אַ סאָציאליסטישען מאַנטעל. צו דאס איז געוועזען אינסטינקטיוו, ארויף געצוואונגען פון לעבען גופא, צו ניט, דאס איז ניט וויכטיג; וויכטיג איז, דאס דער סאָציאליסטישער אידעאַל, האָט זיך ארייַנגעדרונגען אין דעם ציוניזמוס.

דיזער "סאָציאליזמוס„ איז אָבער ניט געווען קיין ווילקאָמענער גאַסט; מען האָט אויף איהם געקוקט וויא אויף אַ שטיעף־קינד; און מען האָט איהם געדולדעט נור אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל ער האָט געקענט העלפען דעם ציוניזמוס.

דעם ערשטען בעוואוסטען אויסדרוק פון דעם, געפינען מיר ביי דעם ציוניסטישען סאָציאַל־פילאָזאָפישען הויז־אַרצט, דאָקטאָר סירקין.

דיא פראגע איז געווען דיזע: מיר האָבען דעם ציוניזמוס, וועלכער פערשפּרעכט צו בעפרייען דאָס אידישע פאָלק פון גלות. דער ציוניזמוס אליין קען אָבער גאָר ניט אויפטהאָן ווען דאָס אידישע פאָלק, אין זיינע גרויסע מאַססען, וועלען איהם ניט אונטערשטיצען. דאס אידישע פאָלק מוז אלזאָ האָבען דעם ציוניזמוס, און דער ציוניזמוס מוז האָבען דאס אידישע פאָלק, אז ניט, געהען זיי חלילהביידע אונטער. דאס פאָלק נעהמט זיך אָבער ניט צום ציוניזמוס. וואָס טהוט מען?

און דאָקטאָר סירקין האָט געלעזט די פראגע. און דיא ארבייט האָט ער געמאַכט „וויסענשאפטליך.“

פאר אלעם האָט ער „כעמיש“ אנאַליזירט דיא מעדיצין גופא. און נאָך אַ „וויסענשאפטליכע“ אונטערזוכונג, האָט ער בעשטעטיגט, אז דער ציוניזמוס, און נור דער ציוניזמוס קען ראַטעווען דעם קראנקען אידישען קערפּער פון אלע זיינע ליידען. אַי, וואָס דער חולה נעהמט ניט די מעדיצין, האָט ער, וויא אַ גוטער דאָקטאָר, געראַטהען צו דיא ביטערע ציוניסטישע מעדיצין צוצומישען אביסעל סאָציאליסטישע צוקערוואַסער.

איך וויל ניט דערמיט בעהויפּטען, אז דר. סירקין, אָדער וועלכער אנדער פיהרער פון די סאָציאליסטישע ציוניסטען, האָבען זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ כיון און אויסגעטראַכט דעם מיטעל. די זאַכען ווערען ניט געמאַכט אויף אזא אופן. דער אמת איז, אז נאָך פאר דר. סירקין׳ס טהעאָריע, איז שוין געווען פועלי ציון — אָרגאַניזאציאָנען, און עס קען זיין, אז דר. סירקין האָט גענומען זיין „טהעאָריע“ פון די עקזיסטירענדע פאקטען. ווי דיא מעשה זאָל ניט זיין:

דעם בעוואוסטען, זאַגענאַנטען וויסענשאַפטליכען, אויסדרוק פון דיזע אינסטינקטיווע בעוועגונג, האָט געגעבען דר. סירקין איז אַ׳ן ארטיקעל „דער ציוניזם און דער המון.“ *)

אין יענעם ארטיקעל בעהויפּטעט ער, אַז דער ציוניזמוס איז, פון איין זייט, די איינציגע רפואה פאַר די גרויסע אידישע מאַססען, און אַז פון דער צווייטער זייט, קען דער ציוניזמוס אליין נור האָבען אַ קיום, ווען דיא אידישע מאַסען, וועלען זיך נעהמען צו איהם. און ער איז מודה, „דאס דער גרויסער המון האָט זיך ניט אויפגעהויבען און געשטעלט זיך אונטער דער ציוניסטישער פאָהן, און עס האָבען זיך אין איהם, ניט דערוועקט דיא כחות און געפיהלען, וויא זיי זיינען נויטיג פיר דיא נאַציאָנאַלע בעפרייאונג.„

דיא לאָזונג מוז אַלזאָ זיין: „דער ציוניזם פיר דעם המון, און דער המון פיר דעם ציוניזם!“

וויא אזוי מאַכט מען אָבער דער המון זאָל זיך נעהמען צום ציוניזם? אויף דעם ענטפערט ער כהי לשנא:

„כדי דער המון, דאָס פאָלק, זאָל זיך שטעלען אונטער דעם פאָהן פון דער ציוניסטישע פרייהייטס־בעוועגונג, מוז דער ציוניסטישער אידעאַל פערשטאַנען ווערען ניט נור וויא אַ גאולה פון דעם נאַציאָנאַלען גלות, נור אויך וויא אַ גאולה פון אַלע צרות און ליידען פון דעם המון אין דער היינטיגער געזעלשאַפט. אַ נייע געזעלשאַפט אין דעם נייעם לאַנד; אַ געזעלשאַפט פון פרייהייט און גלייכהייט; אַ געזעלשאַפט אָהן הפוך פון הערר און קנעכט, אָרעם און רייך, קאַפּיטאַל און פּראָלעטאַריאַט, נור אַ קאָלעקטיוויסטישע געזעלשאַפט אויף נייע עקאָנאָמישע יסודות און שותפות׳ע אייגענטהום אין לאַנד.“ **)

דיזע רעצעפּט פון דאָקטאָר סירקין איז אפילו אביסעל „לאַטייניש“, דער זין איז אָבער קלאָר און דייטליך:

ציוניזמוס איז דאס איינציגע מיטעל פאַר דעם אָרעמען און קראַנקען אידישען פאָלק. דער גרויסער עולם פון אידישען פאָלק וועט זיך אָבער נעהמען צום ציוניזמוס נור דאַן, ווען דער

*) דר. סירקין איז שוין פּיעל פריהער ארויסגעטראָטען מיט דעם מיש־מאַש פון ציוניזמוס און סאָציאַליזמוס אין אַ רוסישער בראָשורע, וועלכע איז ערשיענען אין לאָנדאָן, אגיב מיר האָבען ניט קיין טעות אין יאהר 1900. אביסעל שפּעטער, אויף דער צוזאמענפאָהר פון דער „דעמאָקראַטישער פראַק־

ציוניזמוס וועט פערשטאַנען ווערען אַלס אַ גאולה פון דער עקאָנאָמישער שקלאַפערייי... מען מוז אַלזאָ צום ציוניזמוס צומישען סאָציאַליזמוס. דער סאָציאַליזמוס זאָל דיענען אַלס דיענסטמויד ביים ציוניזמוס.

דאָס מיטעל, האָט אויף אַ מינוט געהאָלפען? דער קראַנקער האָט די מעדיצין גענומען. אָבער דיא ווירקונג איז געווען אַ געפעהרליכע.

און דיזע געפעהרליכע ווירקונג האָט זיך ארויסגעצייגט באַלד ביי דעם צוזאמען־מישען פון דיא צוויי „עלעמענטען“.

אום אויסצופיהרען דעם פּלאַן פון ברענגען דעם המון צום ציוניזמוס, און דעם ציוניזמוס צו דעם המון, האָט זיך געגרינדעט די אָרגאַניזאַציאָן „חירות“. און באַלד ביי דעם ערשטען טריט וואָס דיזע אָרגאַניזאַציאָן האָט געוואָלט מאַכען, האָט זיך ארויס געוויזען, אַז צווישען ציוניזמוס און סאָציאַליזמוס, קען קיין שלום ניט זיין.

וויא דר. סירקין האָט „וויסענשאַפטליך“ בעוויזען, מוז דער ציוניזמוס געמאַכט ווערען אַלס אַ „גאולה פון אַלע צרות און ליידען פון דעם המון אין דער היינטיגער געזעלשאַפט“. מיט אנדערע ווערטער: מען מוז דיא ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדא פיהרען אויף אַזא אופן, דיא אידישע אַרבייטער זאָלען וויסען, אַז געהן קיין ציון הייסט אויפבויען „אַ נייע געזעלשאַפט אין דעם נייעם לאַנד; אַ געזעלשאַפט פון פרייהייט און גלייכהייט“, אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. ווען עס איז אָבער געקומען צו פּראַקטישע אַרבייט, האָט דיא אָרגאַניזאַציאָן „חירות“, בעשלאָסען, אַז „זיא האָט מיט געגענוואַרטס־פּראָגראַם ניט צו טהאָן. זיא האָט, אַלזאָ, פון אָנפאַנגס אָן זיך ענטזאָגט צו טהון וועלכע עס איז אַרבייט, וואָס זאָל דעם אידישען אַרבייטער ברענגען אויף דעם גערדאַנק פון סאָציאַליזמוס.

ווארום האָט „חירות“, דיא אָרגאַניזאַציאָן וואָס וויל ברענגען דעם ציוניזמוס צום המון מיט סאָציאַליסטישע הבטחות; ווארום האָט זיא מיט דיא געגענוואַרטס פּראָגראַם גאָר ניט צו טהון?

אויף דעם גיט „חירות“ אַ קלאָהרע תשובה:

„וואָרום דיא ציוניסטישע אַרבייט און די נויטיגע אַרבייט כדי צו הויבען די לאַגע פון דעם אידישען המון אין די לענדער וואו ער וואָהנט, ליעגט ניט אין דיזעלבע ריכטונג, און עס איז

ציאָן“ אין יאהר 1901 זיינען שוין געווען איינציגע אַזוינע „טהעאָרעטיקער“ וויא צ. ב. בוכהאָלץ, אבערסאָן. רעד.

**) דער המון נומער 1 בערלין 1903.

דארום פאלש אריינצונעהמען צוויי פערשיעדענע ארבייטען אין דיזעלבע אָרגאַניזאַציאָן".

טאָמער איז דאס ניט קלאָר פאר אייך, ערקלערט „חירות" ווייטער: „ווען מען זאָל וועלען דורכפיהרען סאָציאַל־פּאָליטיק דורך דיא אלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן, מוז דיא סאָציאַלע פּאָליטיק קודם כל זיין רעאַקציאָנער."

פאַרוואָס מוז דאס „דיא סאָציאַל פּאָליטיק קודם כל זיין רעאַקציאָנער"? הערט ווארום:

„וואָרום אין ציוניזמוס קענען זיך צונויף קומען פערשיעדענע קלאסען און רעליגיעזע וועלט־אַנשויאונג; ביי דער ציוניסטישער סאָציאַל פּאָליטיק אָבער, מוזען ארויס טרעטען דיא קלאַסען הפוכים און סתירות און דאס מוז פיהרען צו אַ רעאַקציאָנערער פּאָליטיק."

און טאָמער פערשטעהט איהר נאָך אַלץ ניט וואָס דיא אָרגאַניזאַציאָן „חירות" מיינט, גיט זיא אייך אַזאַ משל:

„דיא פּועלים פון דיא קליינע און גרויסע בעלי מלאכות פיהרען א'ן עקאָנאָמישען קאַמפּף פיר העכערע שכירות. אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע זאָל וועלען דורכפיהרען אויף דיא איינפאַכסטע סאָציאַל־פּאָליטיק, מוז דאָך פיהרען דיזען עקאָנאָמישען קאַמפּף. אויף אַזאַ אופן האָבען דיא קליינע בעלי מלאכות ניט קיין אָרט אין דיא ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן... פיר דיא בעלי מלאכות אין דיא פּועלים וואָלט געווען זעהר ניצליך שותפות'ע פערברויכס־קראָמען; ווען אָבער אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן זאָל אָנהויבען איינריכטען זאָלכע קראָמען, מוז זיא אויסשליסען פון זיך אַלע קליינע קרעמער, וואָרום שותפות'ע קראָמען וועלען דיא קרעמעלעך פערניכטען".

יעצט איז דיא זאַך קלאָהר וויא דער טאָג: דעם אידישען ארבייטער דארף מען געבען צו פערשטעהען, אַז דער ציוניזמוס וועט אויך זיין אַ גאולה פיר זיינע עקאָנאָמישע צרות, אַז דיא נייע געזעלשאַפט אין ציון, וועט אויפגעבויט ווערן אויף אַ סאָציאַליסטישען פּרינציפּ. היינט אָבער, טאָר מען פאר דעם גאָר ניט טהון, וואָרום ווען מען זאָל נעהמען עטוואס טהון, וועט דאָס ארויסברייינגען דיא פערשיעדענע קלאַסען־געגענזעצע, און דיזעס פיהרט דאָצו, אַז „דיא סאָציאַל פּאָליטיק מוז קודם כל זיין רעאַקציאָנער".

וויא אַזוי וועט מען אָבער איינפיהרען דיזע נייע געזעלשאַפט אין דעם נייעם לאַנד? און וויא אַזוי וועט מען דאָס דעם אידישען ארבייטער דערציילען? דעם דאָקטאָר'ס „וויסענשאַפט" האָט אין 1903 נאָך ניט געקענט ענטפערן אויף דיזע פראַגען.

אַזוי האָט דער סאָציאַליסטישער עלעמענט באַלד אָנגעמאַכט צרות צווישען דיא וואָס האָבען מיט זיין הילפע פערשלונגען דעם ציוניזמוס. דאָס איז געווען שוין אין אָנהויב. ווייטער איז געוואָרען נאָך ערגער. דאָס איז שוין דיא טבע פון דעם סאָציאַליזמוס. ער לאָזט זיך ניט פערמישען מיט פרעמדע עלעמענטען. און ווען מען טהוט עס מיט געוואַלד איז זיכער אַז עס וועט קומען אַן עקספּלאָזיאָן. און דיא עקספּלאָזיאָן איז געקומען אויף דעם זיעבעטען ציוניסטישען קאָנגרעס. און דיא עקספּלאָזיאָן איז געקומען מיט אַזאַ קראַך, אַז זיא האָט אָנגעמאַכט אַ חורבה אין דיא ציוניסטישע רייהען, האָט פערניכטעט דיא אָרגאַניזאַציאָן „חירות", האָט איבערגעדרעהט מיט דעם קאָפּ אַראָפּ דעם הערר דאָקטאָר אַליין, און האָט אויך שטארק צוקאַליעטשעט דעם סאָציאַליזמוס גופא.

נאָך דעם זיעבעטען ציוניסטישען קאָנגרעס האָט זיך געגרינדעט אַ נייע פארטיי, דיא פארטיי „ציוניסטען סאָציאַליסטען". פון יעצט אָן פערנעהמט דער סאָציאַליזמוס דעם ערשטען פּלאַץ, אַנשטאַט וואָס פריהער איז דער סאָציאַליזמוס געווען אַ מיטעל פאר דעם ציוניזמוס, איז יעצט דער „ציוניזמוס" געוואָרען אַ מיטעל פאר דעם סאָציאַליזמוס.

מיט גרויס בעגייסטערונג בעריכטען זיי דיזען פאַקט.

„מיר האָבען ענדליך געריסען מיט דעם אַלטען שווערען וואָגען — מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן", שרייבען זיי צו ענדע פון זייער בעריכט.

.... דער זיעבעטער קאָנגרעס איז געווען אַ פּאָלשטענדיגער זיעג פון דעם פּראָלעטאַרישען טעריטאָריאַליסטיש־סאָציאַליסטישען ציוניזמוס! (אַ מן אידיש!) דער פּראָלעטאַריאַט האָט געהערשט און האָט אָבגערייניגט דיא אַטמאָספערע! ער האָט געצוואונגען אַלע ציוניסטישע גרופּען ארויסצו־ווייזען זייער אמת'ן סאָציאַלען אינהאַלט. ער האָט אָנגעוויזען יעדער גרופּע איהר אָרט און מיט זיין שאַרפער קריטיק געצוואונגען צו פערנעהמען דיזען אָרט. ער האָט אין צוויי טהיילען פאַנאַנדערגעריסען דעם ציוניסטישען לאַגער; דעם איינעם האָט ער ווייט פון זיך אָבגעוואָרפען און זיין היסטאָרישען טויט־אורטהייל איבער איהם הויך אויסגעשפּראָכען: דעמאָקראַטיש געזאָנגען אָדער געשטימטען, האָט ער מיט זיך מיטגענומען אין זיין נייעם היסטאָרישען וועג, ראַדיקאַליזירענדיג איהם אויף מעהר דורך זיין שטענדיגער שטרייננגער קריטיק".

„אַ נייעם וועג צייכענט אָן דער אידישער פּראָלעטאַריאַט פאר דעם אידישען פּאָלק; נייע הימלען, נייע געטער, וועבט ער; נייע קרעפּטען, נייע ווערטען שאַפּט ער; און ער רופט אויף דעם נייעם וועג אַלע געזונדע טהיילען פון דעם אידישען פּאָלק — רייסען מיט אַלעם אַלטעם און טראַדיציאָנעלעם און זיך שטעלען אין די רייהען פון דער נייער ארמיי, אום צו שאַפּען דיא נייע סאָציאַליסטישע אַטמאָספערע, וואו אַלע אידישע געזעלשאַפטליכע כחות וועלען קענען פריי זיך ענטוויקלען, פריי צו קעמפּפען...“

איהר זעהט וואָסער חורבה דער סאָציאַליסטישער עלעמענט האָט דאָ אָנגעמאכט: „ער האָט אין צוויי טהיילען פאנאנדער געריסען דעם ציוניסטישען לאַגער“; איין טהייל האָט ער „ווייט פון זיך אָבגעוואָרפען“, און איהם פערורטהיילט צום טויט, וועהרענד דעם צווייטען טהייל האָט ער „מיט זיך מיטגענומען אויף זיין נייעם היסטאָרישען וועג, ראַדיקאַליזירענדיג איהם... דורך זיין שטענדיגער שטריינגער קריטיק“.

וואָס איז דאָ געשעהן? וויא אַזוי איז דאָס אַרויסגעקומען דער גוואלדיגער זיעג פון דעם „פּראָלעטארישען טעריטאָריאַליסטיש - סאָציאַליסטישען ציוניזמוס?“ און וואָס איז דאָס אַזוינס דיזער פּראָלעטאַריש טעריטאָריאַליסטיש - סאָציאַליסטישער ציוניזמוס ?

געשעהן איז אייגענטליך דאָס וואָס האָט געמוזט געשעהן. דיא לאָגיק פון לעבען, דיא אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג, דער סאָציאַליסטישער געדאַנק וואָס דיא פּראָלעטארישע ציוניסטען האָבען זיך, ווילענדיג, ניט ווילענדיג, אנגעאייגענט, האָט זיי ענדליך געמוזט צייגען, וואָס דיא אָרגאַניזאַציאָן „חירות“ און דר. סירקין האָבען מיט צוויי יאָהר פריהער ניט געקענט זעהן; זיי האָבען געמוזט איינזעהן, אַז דער ציוניזמוס אַלס סאָציאַלע גאולה, קען ניט געהן האַנד אין האַנד מיט אַ „סאָציאַל פּאָליטיק וואָס מוז קודם כל זיין רעאקציאָנער“; אַז פון דער צווייטער זייט, האָבען אַ סאָציאַליסטישע פּלאַטפּאָרמע אָן געגענוואַרט פּראָגראַם איז גראַדע אַזוי אונלאָגיש, און ענדליך, אַז דיא „קלאַסען הפוכים“ זיינען פיעל שטאַרקער וויא דער „נאַציאָנאַלער גייסט“.

לײדער איז דער „פּראָלעטאַרישער טעריטאָריאַליסטיש - סאָציאַליסטישער ציוניזמוס“ גראַדע אַזוי אונלאָגיש און אונפערנינפטיג, וויא דער ערשטער.

.4

ציוניזמוס צוליעב סאָציאַליזמוס.

פאר אַללעם מוז מען וויסען, אַז דיא ציוניסטען סאָציאַליסטען“ זיינען ניט קיין ציוניסטען. זיי זיינען, אדרבא, געגען ציון. זיי זיינען דאָס דיא סאָציאַליסטען טעריטאָריאַליסטען. *)

דער טעריטאָריאַליזמוס, וויא שוין בעמערקט, איז אַ ווייטערע פּאָלגע פון דעם ציוניזמוס. דאָס איז אַלזאָ ניט דיא ערפינדונג פון דיא ציוניסטען סאָציאַליסטען. זיי האָבען דאָס איבערגענומען בירושה פון דעם „בורזשואזנעם“ טעריטאָריאַליזמוס. אַלץ וואָס זיי האָבען אויפגעטהאָן איז, וואָס זיי האָבען צום טעריטאָריאַליזמוס צוגעטשעפּעט דעם סאָציאַליזמוס. מעהר וויא אַ צוטשעפּענים איז דער סאָציאַליזמוס ניט. און איך וואג צו בעהויפּטען, אַז ניט נור זיינען דיא „ציוניסטען סאָציאַליסטען“ ניט קיין ציוניסטען, וויא זיי זיינען אליין מודה, זיי זיינען אויך ניט קיין סאָציאַליסטען. ווייניגסטענס ניט אין זייער אויסטייטשען דעם סאָציאַליזמוס. אום דיזע בעהויפּטונג צו בעווייזען, מוזען מיר פריהער ערקלעהרען זייער טהעאָריע.

דיא טהעאָריע איז אין קורצען דיעזע :

דיא ענטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט פיהרט צו קאָנצענטראַציאָן פון קאַפּיטאַל. דיזע קאָנצענטראַציאָן פון קאַפּיטאַל פעראורזאכט פיעל צרות און אומגליק אויף דער וועלט: עס טרייבט דיא קליינע פאבריקאַנטען און דיא מיטעלע קלאַסע אין דיא רייהען פון פּראָלעטאַריאט. דיא ענטוויקלונג פון מאַשינערי און דיא פערטהיילונג פון דיא ארבייט, מאכט איבערפליסיג פיעלע ארבייטער; דיזעס בעשאַפט אַ בעשטענדיגע רעזערווע ארמיי פון ארבייטסלאָזע, וועלכע דריקען פון זייער זייט נאָך מעהר דעם ארבייטס-לוין, און רופט אַרויס אַ לומפּען-פּראָלעטאַריאט. פון דער צווייטער זייט, טראָגט דערזעלבער קאַפּיטאַליזמוס אין זיך דיא זריעה פון זיין אייגענער צושטערונג. דורך זיינע גרויסע פאַבריקען, דורך דיא ענטוויקלונג פון מאַשינערי, דורך דעם צוזאַמענטרייבען פון פיעלע ארביימער אין איין פאַבריק, בעשאַפט דערזעלבער קאַפּיטאַליזמוס, אַ קלאַסען-בעוואוסטע פּראָלעטאַריאט, וועלכעס רייסט ביסלעכווייז און וואָס אמאָל מעהר, אָב אַ שטיק עקאָנאָמיש

*) זייער נאמען איז זעהר קאָמיש. זיי רופען זיך „ציוניסטען סאָציאליסטען“. פערקירצט, רופען זיי זיך ס. ס. דאָס קומט פון רוסישען סיאָניסט, סאָציאליסט, און ועל כולם זיינען זיי געגען ציוניזמוס.

דערשאַפט, און וועלכעס וועט סוף כל סוף מאַכען דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, און אַזוי אַרום בעפרייען דיא גאַנצע מענשהייט. דיזער קאַמפּף צווישען קאַפּיטאַל און פּראָלעטאַריאַט געהט אָבער ניט צו אַזוי גלאַט. עס קומען אויך פאָר צווישען־קעמפּפע: דיא קאַפּיטאַליסטען צווישען זיך, און דאָס פּראָלעטאַריאַט צווישען זיך קעמ־פּפען אויך, און טראָץ דעם, וואָס דאָס קאַפּיטאַל איז אינטערנאַציאָנאַל, רופט עס פון דעסטוועגען אַרויס קעמפּפע צווישען נאַציאָן און נאַציאָן. ביי דיזע צווישען־קעמפּפע וועלען אין דעם קאַמפּף צווישען דיא קאַפּיטאַליסטען געווינען דיזע וואָס בעלאַנגען צו אַ שטאַרקערע נאַציאָן, דאָסזעלבע מיט'ן פּראָלעטאַריאַט: די פּראָלעטאַ־ריער וואָס בעלאַנגען צו דיא שטאַרקערע נאַציאָן, וועלען גיכער געווינען דעם קאַמפּף. און דאָס וויכטיגסטע ביי אַלעם דעם איז, וואָס גראָדע דער טהייל פון'ם פּראָלעטאַריאַט וואָס איז דער זיעגער, איז אויך צו דערזעלבער צייט דער טרעגער פון דעם פאָרטשריט, — דער וואָס וועט ענדליך בריינגען דיא גאולה פאַר דיא מענשהייט.

דאָס איז דער גרונד געדאַנק פון זייער אויסלעגונג פון דעם מאַרקסיזמוס. דאָ איז שוין אריינגעשמוגעלט דיא טהעאָריע פון דיא שוואַ־כערע און שטאַרקערע נאַציאָן, סיי צווישען דיא קאַפּיטאַליסטען און סיי צווישען דעם פּראָ־לעטאַריאַט. דיזע שטיקעלע קאָנטראַבאַנד איז זיי נויטהווענדיג צוליעב דעם שלום פון זייער „טהעאָריע“.

דיא אידען, זאָגען זיי ווייטער, איז דאָס שוואַכסטע פאָלק; זיי זיינען אַם מייסטען אונ־טערדריקט; פּראָלעטאַריער זיינען זיי געוואָרען אין אַ צייט ווען דאָס איבריגע פּראָלעטאַריאַט איז שוין געווען שטאַרק ענטוויקעלט. זיי ווערן דערפאַר ניט צוגעלאָזען זיך צו בעטהייליגען אין דיא גרויסע אינדוסטריע. „דער אידישער פּראָלעטאַריאַט ווערט אַרויסגערופען צום לעבען ניט פון דער גרויסער, נור פון דער מיטעלער בורזשואַזיע; ער ערשיינט ניט אַלס אינדוס־טריעלער, נור אַלס אַ מאַנופעקטורער און האַנד־ווערקער פּראָלעטאַריאַט.“ דיא קליינע אינדוסט־ריע איז אָבער פער'משפּט אונטערצוגעהן. דער אידישער אַרבייטער איז דאַדורך פער'משפּט אַריינגעטריבען צו ווערען אין דיא רייהען פון דעם לומפּען־פּראָלעטאַריאַט, און ער ווערט אַזוי אַרויסגעשלאָסען פון צו נעהמען אַן אַקטיווען אַנטהייל אין דעם בעפרייאונגס־קאַמפּף פון דער מענשהייט. אי מיר זעהען דאָך אָבער, אַז אידען זיינען, ערשטענס, גרויסע קבצנים, און, צווייטענס, שטאַרקע איבערגעבענע סאָציאַליס־טען? אויף דעם האָבען זיי אַ ווייטערע „טהעאָ־ריע“, בעשטעטיגט דורך אַ פּסוק פון מאַרקס: דאָס פּראָלעטאַריאַט (גראָדע וויא עלעקטריצי־טעט) בעשטעהט פון 2 געגענגעזעצטע זייטען: די נעגאַטיווע און די פּאָזיטיווע. דאָס נעגאַטי־ווע פּראָלעטאַריאַט ווערט בעשאַפען אין דיא קליינע ווערקשטאַטען, דיזעס האָט נור אין זיך אונצופריעדענהייט. עס קען דערפאַר נור צו־שטערען, עס קען דערפאַר זיין אַ סאָציאַליסטי־שער כח. עס קען אָבער קיין נייע געזעלשאַפט ניט אויפבויען. בויען אַ נייע געזעלשאַפט קען נור דאָס פּאָזיטיווע פּראָלעטאַריאַט, און דיזעס פּראָ־לעטאַריאַט ווערט געמאַכט אין דיא גרויסע פאַב־ריקען, מיט דיא גרויסע ריזיגע מאַשינען. און אַזוי וויא אידען ווערען ניט אריינגעלאָזען אין דיזע גרויסע פאַבריקען, קענען זיי זיך ניט פּראָ־לעטאַריזירען.

פון וואַנען נעהמט זיך דאָס אַלעס? דאָס קומט פון דעם וואָס אידען האָבען ניט קיין נאַ־ציאָנאַלע אינדוסטריע.

און אַ רפואה צו דיזען אידישען גלות גיט טאַקע דאָס לעבען אַליין. דיזער אונאָרמאַלער צושטאַנד רופט אַרויס די עמיגראַציע. דיא עמיגראַציע געהט אָבער צו אָהן אַ פּלאַן. אַ חוץ דעם, אין דיא לענדער וואָס זיי קומען שטעהט דיא זאַך אויך ניט בעסער. דאָרטען איז פאַר זיי אויך ניט אָנגעגרייט קיין „נאַציאָנאַלע אינדוס־טריע“. אַ חוץ דעם ווערט דאָס אימיגרירען אויף וואָס אַמאָהל שווערער. על כן איז דער איינציגער פּלאַן צו קריגען אַן אייגענע טעריטאָריע, וואו אידען זאָלען זיך בעזעצען אַלס אַ זעלבסט־שטענדיגעס פאָלק, וואו זיי וועלען איינפיהרען אַן אייגענע אינדוסטריע, וואו זיי וועלען זיך קע־נען פּראָלעטאַריזירען און ענטוויקלען אַלע זייע־רע כוחות און מיטהעלפען צו דעם אַלגעמיינעם פּראָגרעס פון דער מענשהייט.

וועלכער משוגענער וועט זיי אָבער געבען אַ טעריטאָריע? אויף דעם ענטפערט ווידער דער „מאַרקסיזמוס“. דער קאַפּיטאַליזמוס זוכט אימער נייע מאַרקעטס. ער האָט אַלזאָ אינטע־רעס צו האָבען וואָס מעהר נייע קאָלאָניעס. עס איז אַלזאָ אין אינטערעס פון דעם קאַפּיטאַליז־מוס זיי צו העלפען קריגען אַ נייע אונבעוואָהנטע טעריטאָריע. און ענגלאַנד, דאָס קלאַסישע לאַנד פון קאַפּיטאַליזמוס, האָט זיי טאַקי אָנגעבאָטען אוגאַנדאַ צוליעב דיזען.

דיזע טהעאָריע אויסגעדריקט בקצור, וועט הייסען אַזוי: דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן מוז און וועט קומען. דיא רעוואָלוציאָן וועט אָבער גע־מאַכט ווערען פון דעם אמת'ן „פּאָזיטיווען“ פּראָלעטאַריאַט. כדי אידען זאָלען קענען

מיטהעלפען צו דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, מוזען זיי ווערן פּאָזיטיווע פּראָלעטאַריער, כדי זיי זאָלען ווערען פּאָזיטיווע פּראָלעטאַריער מוזען זיי האָבען אַן אייגענע טעריטאָריע.

דער טעריטאָריאַליזמוס איז אַלזאָ נויטהווענדיג צוליעב דעם סאָציאַליזמוס.

מיר וועלען זיך אין פערלויף פון דיעזע אָבהאַנדלונג נאָך בעשעפטיגען מיט דיעזען „מאַרקסיזמוס“, דערווייל וועלען מיר אָננעהמען אַז אַלע זייערע בעהויפּטונגען זיינען ריכטיג, און מיר וועלען אונטערזוכען דיא לאָגיק פון זייער „פילאָזאָפי“.

קודם כל זעהען מיר, אַז דיא גאַנצע „וויסענשאַפט“ זייערע, איז ניט מעהר וויא אַ נייער תירוץ פאַר דעם טעריטאָריאַליזמוס. דיא „בורזשואַזנע“ ציוניסטען און טעריטאָריאַליסטען טענה'ן, אַז אידען מוזען האָבען אַן אייגען לאַנד, ווייל אין גלות קענען זיי ניט ווערן קיין אונטעראָפיצירען און פעלדפעבעלס, שוין ניט צו ריידען פון פּאָלקאָווניקעס און גענערעלע, ווייל זיי קענען ניט ווערן קיין דאָקטוירים און אַדוואָקאַטען, ווייל זיי קענען ניט ווערן קיין פּאָמעשטשיקעס, א. ז. וו.; דיא אחד־העם־יסטען זוכען אַן אייגען לאַנד, ווייל דער אידישער „גייסט“ קען זיך ניט ענטוויקלען אין גלות און דיא ציוניסטען סאָציאַליסטען ברויכען וויא לעבען אַ טעריטאָריע, ווייל אידען קענען ניט ווערן קיין פּראָלעטאַריער, ווייל מען לאָזט זיי ניט אַריין אין דיא גרויסע פאַבריקען.

צוליעב דיזען נייעם תירוץ איז ניט געווען כדאַי צו פעראורטהיילען צום טויט אַ טהייל פון דיא אונשולדיגע ציוניסטען. וואָס מאַכט עס אויס צוליעב וועלכע אורזאַכע מען דאַרף אַ טעריטאָריע? מיר שיינט, אַז ווען מען געהט אויס פון אַ שטריינג־נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט, זיינען דיא אורזאַכען פון דיא ציוניסטען, אַז אידען קענען ניט ווערן גרויס און מעכטיג אין גלות, אַז זיי קענען זיך ניט אויסבילדען צו נעהמען אַן אַנטהייל אין דיא וויסענשאַפט, פיעל שטאַרקער וויא דיא, אַז אידען קענען ניט ווערן קיין „פּאָזיטיווע“ פּראָלעטאַריער.

ווייטער, נאָך דיא "לאָגיק" פון דיא ציוניסטען סאָציאַליסטען קומט אויס, אַז מען מוז בעשאַפען אַ אייגענעם שטאַאַט, כדי מען זאָל נאָכהער קענען מאַכען אַ רעוואָלוציאָן. אידען, זאָגען זיי, קענען אין גלות ניט זיין קיין אויפבויענדע קראַפט אין די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן. נו, וואָס אַרט עס זיי? וועט מען מאַכען דיא רעוואָלוציאָן אָהן אידען! אויף דעם קענען זיי אָבער ניט בעשטעהען. אידען מוזען נעהמען איין אַקטיווען אַנטהייל אין דער רעוואָלוציאָן. אין גלות, וועלען זיי דאָס קיין מאָהל ניט האָבען דיא זכיה, מוז מען האָבען אַן אייגענע טעריטאָריע מיט אַן אייגענע געזעלשאַפט.

דאָס איז אַ מערקווירדיגער בעגריף פון דעם סאָציאַליזמוס און דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן. נור מיר וועלען זיי דאָס צוגעבען, זאָל זיין אַז זיי האָבען אין דיעזען רעכט. איז אָבער אַן אנדער צרה, און טאַקע ווידער מיט זייער לאָגיק: נאָך זיי וועט דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן מוזען אָבגעהאַלטען ווערן ביז דיא אידען וועלען קריגען אַ טעריטאָריע. און אַזוי וויא זיי זיינען שטריינגע מאַרקסיסטען, וועלען דאָך דיא אידען פריהער מוזען איינפיהרען אינדוסטריע, דאַן וועלען זיי מוזען וואַרטען ביז דער קאַפּיטאַליזמוס וועט זיך ענטוויקלען צו אַ גרויסע שטופע און עס וועט בעשאַפען ווערען אַן אייגענעם „פּאָזיטיוועס“ פּראָלעטאַריאַט מיט אַ לומפּען פּראָלעטאַריאַט, מיט דיא ענטוויקלונג פון טראָסט און קאָנצענטראַציאָן פון קאַפּיטאַל א. ז. וו., וויא עס שטעהט געשריבען אין זייער „מאַרקסיזמוס“, און דאַן ערשט וועט מען מעגען מאַכען דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן. דיא אַנדערע פעלקער וועלען דאָך אָבער פריהער פערטיג ווערן צו אַ רעוואָלוציאָן, ווייל זייער „נאַציאָנאַלע אינדוסטריע„ מיט דעם „פּאָזיטיווען„ פּראָלעטאַריאַט א. ז. וו. האָט זיך דאָך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען פיעל פריהער, וועלען זיי טאַקע מוזען וואַרטען ביז דיא אידען וועלען פערטיג ווערן.

מיר געהן נאָך אַ טריט ווייטער :

זייער גאַנצע „פילאָזאָפיע“ צווינגט זיי צו געהן האַנד אין האַנד מיט דיא „בורזשואַזנע“ טעריטאָריאַליסטען. זיי טענה'ען: אידען מוזען האָבען אַ לאַנד, אום זיך צו קענען פּראָלעטאַריזירען. נו, פּראָלעטאַריזירען, שליסט דאָך איין קאַפּיטאַליזירען. איינער קען דאָך ניט ווערען אַ פּראָלעטאַריער, ווען אַ צווייטער איז ניט קיין קאַפּיטאַליסט. זייער פאָדערונג איז דאַרוך ניט קיין ספּעציפיש־פּראָלעטאַרישע, נור אַן אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע. דאָס וואָס זיי ווילען דווקא זיין די פּראָלעטאַריער ענדערט ניט די זאַך, אויף פּראָסט אידיש, ניט אויף דעם „טערקיש“ פון דיא ציוניסטען סאָציאַליסטען, איז דיא „טהעאָריע“ אַזוי: מיר אידען אין גלות קענען ניט ווערען קיין פּאָזיטיווע פּראָלעטאַריער, ווייל אונזערע ברידער, דיא קאַפּיטאַליסטען, קענען ניט ווערען קיין פּאָזיטיווע קאַפּיטאַליסטען. מיר מוזען דערפאַר האָבען אַן אייגענע לאַנד, כדי אונזערע ברידער זאָלען ווערן אמת'ע קאַפּיטאַליסטען, כדי זיי זאָלען אונז שינדען דיא הויט אויף דעם גרויס־קאַפּיטאַליסטישען שטייגער, כדי

מיר זאָלען קענען ווערען אמת׳ע, פּאָזיטיווע פּראָלעטאַריער, כדי מיר זאָלען נאָכהער קענען פיהרען מיט זיי אַן אמת׳ן קלאַסען־קאַמפּף.

זיי קענען אַלזאָ ניט געהן אין דיא נייע טעריטאָריע אָהן דיא בורזשואַזיע. און די ציוניסטען סאָציאַליסטען בויען זעהר פיעל אויף דיא בורזשואַזיע. זיי זיינען אַפילו מודה, אַז זיי קענען נאָך ניט וויסען, וועלכע רעאַלע אינטערעסען צווינגען דיא בורזשואַזיע צו וועלען האָבען אַן אייגענע טעריטאָריע (דיא „מאַרקסיסטישע“ לעהרע האָט, וויא עס שיינט, זיי פערלאָזען אין דיזען פונקט) אָבער זיי ווייסען, אַז אָהן דיא בורזשואַזיע קענען זיי אין דיא טעריטאָריע ניט קומען. דענקען זיי, אַז דיא בורזשואַזיע וועט איינגעהן אויף דיזע בעדינגונגען? שכל האָט דיא בורזשואַזיע, און אויף אַ זיכערן טויט, וועט זיא ניט געהן. אַ העלפט פון דיא ציוניסטען, וועלען זיי זיך קלעהרען, האָט איהר שוין פעראורטהיילט צום טויט, יעצט ווילט איהר אונז פערנאַרען אין דיא טעריטאָריע כדי אויף אונז צו מאַכען אַ רעוואָלוציאָן און אונז אויסקוילען איינעם ביי איינעם. אויף דעם געהן מיר ניט איין!

מאַנכער לעזער קען דאָס אָננעהמען פאַר אַ וויטץ. עס איז טאַקע צום לאַכען, אָבער קיין וויטץ איז דאָס ניט. איך וויל מיט דעם נור בעווייזען די לאָגיק פון די ציוניסטען טעריטאָריאַליסטען. זיי האָבען נאָך אַפילו ניט גערעדט וועגען דיא רעאַליזירונג פון זייער אידעאַל. זיי מוזען דאָך אָבער אַ מאָהל דענקען וועגען דעם. זיי ריידען זעהר פיעל פון מאַרקסיזמוס, פון מאַטעריעלע אינטערעסען, פון רעאַלען לעבען, פון עקאָנאָמישע געזעצע, פון אידישע עקאָנאָמיע, פון נאַציאָנאַלע אינדוסטריע, פון פּראָלעטאַריאַט א. ז. וו., זאָל דאָך כאָטש איינס פון דיא אַלע זאַכען אויסהאַלטען קריטיק. ווען איהר קומט אָבער אַנאַליזירען זייערע הויכע וויסענשאַפטליכע פראַזען, קומט יעדע זאַך אויס לעכערליך. אָבער נאָך לעכערליכער פון אַלעם איז זייער הויפט פונקט:

אידען מוזען האָבען אַ טעריטאָריע, ווייל זיי קענען אין גלות ניט ווערען קיין פּאָזיטיווער פּראָלעטאַריאַט, און קענען דערפאַר ניט העלפען איבערבויען די אַלטע געזעלשאַפט. דאָס איז דער וויכטיגסטער, פונקט פון זייער גאַנצע פּראָגראַמע.

דיעזעס איבערגעדרייט אויף פערנונפטיג לשון הייסט אַזוי: דאָס פּאָזיטיווע פּראָלעטאַריאַט, דאָס פּראָלעטאַריאַט פון דיא גרויס אינדוסטריע, איז דאָס איינציגע פּראָלעטאַריאַט וואָס האָט אין זיך דעת כח אויפצובויען אַ נייע געזעלשאַפט. דאָס נעגאַטיווע פּראָלעטאַריאַט, דאָס מאַנופעקטור־פּראָלעטאַריאַט, קען אין בעסטען פאַל, נור צושטערען, עס קען אָבער ניט בויען. דאָס אידישע פאָלק, צוליעב זיין ספּעציעלע עקאָנאָמישע לאַגע אין דעם גלות, בעלאַנגט צו דעם נעגאַטיווען פּראָלעטאַריאַט, אַלס זאָלכעס האָט עס נור דיא קראַפט צו פערניכטען, עס קען אָבער ניט אויפבויען, דערפאַר. . . דערפאַר מוז עס נעמען בויען אַ נייע געזעלשאַפט. וויא געפעלט איך דער שכל?

נור לאָמיר פון דעם אויך אוועק קוקען. לאָמיר זיי צוגעבען, אַז דאָס אידישע פּראָלעטאַריאַט, דאָס „נעגאַטיווע“ פּראָלעטאַריאַט איז בכח אויפצובויען אַ נייע געזעלשאַפט; לאָמיר זיי צוגעבען, אַז דיא בורזשואַזיע וועט איינגעהן אויף דעם מסחר צו העלפען בויען אַ נייע לאַנד פאַר די אידען, כדי זיי זאָלען קענען נאָכהער מאַכען אַ רעוואָלוציאָן געגען זיי; לאָמיר זיי צוגעבען, אַז דיא גאַנצע וועלט וועט וואַרטען אויף דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן ביז דיא אידען וועלען אויפבויען זייער נייע לאַנד; לאָמיר זיי צוגעבען, אַז עס איז כדאי צו בויען אַ געזעלשאַפט, נור אום צו קענען מאַכען אַ רעוואָלוציאָן; לאָמיר זיי צו געבען, אַז דיא אידישע ראָלע אין דיא יעצטיגע רעוואָלוציאָן איז נור געווען, און קען נור זיין, אַ פערניכטענדע; לאָמיר זיי ענדליך צו געבען, אַז עס איז פאַראַן אַ מעגליכקייט צו בעקומען אַ טערריטאָריע; מיט איין וואָרט: לאָמיר זיי אַלעס צוגעבען! און וואָס איז דאַן? וועט דאָס טאַקע העלפען דעם אידישען פאָלק?

און דאָ מוזען מיר ווידער צוריק קומען צו דעם ערשטען פונקט:

דיא ציוניסטען טערריטאָריאַליסטען קענען דאָך ניט דענקען, אַז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק וועט מיט איין מאָל אריבער פאָהרען אין דיא נייע טערריטאָריע. אויף דעם בעסטען אופן קענען אין פערלויף פון 50 יאָהר איבערוואַנדערען אַ מיליאָן, אָדער צוויי מיליאָן אידען. און דיעזער חסרון וועט, וויא מיר האָבען געזעהען שנעל נתמלא ווערען.

שטרענגע מאַרקסיסטען און פּאָליטישע עקאָנאָמען, וויא זיי זיינען, דאַרפען זיי דאָך וויסען, אַז אַ פאָלק פון 10 מיליאָן קען באַין אופן ניט אריבער פאָהרען פון איין עק וועלט אין דעם צווייטען אַזוי מיר ניט, דיר ניט, נאָך דערצו, ווען זיי דאַרפען פערלאָזען אַ קולטורעל ציוויליזירטעס, ביז אַ גרויסען גראַד אינדוסטריעל ענטוויקעלטעס לאַנד און פאָהרען אין אַ פאָלשטענדיגע וויסטעניס. זיי דאַרפען וויסען, אַז דיא אידען, וואָס האָבען אין דיא לעצטע 20 יאָהר אויסגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד און אַמע־

ריקאַ, וועלען ניט, און קענען ניט, וויעדער אַמאָל זיך צוברעכען און פאָהרען אין אַ נייע לאַנד. זיי דאַרפען וויסען, אז די מענשען אין דעם אַלטער צווישען 25 און 40 יאָהר, ד. ה. דיא אמת'ע מענשען וואָס טויגען צו בויען אַ געזעלשאַפט; דיזע מענשען ביי וועמען די קינדער האַלטען ערשט אין וואַקסען, וועלען בשום אופן ניט אויפאָפּפּערען די צוקונפט פון זייערע קינדערס ערציהונג, און אַוועקשלעפּען זיך אין אַ וויסטענים, אָהן קולטור, אָהן שולען, אָהן גימנאַזיעס א. ז. וו. דיא ערציהונג פון קינדער איז ביי דעם אידען אַ צו וויכטיגע זאַך, און ער וועט ניט פערהאַקען דיא טהירען פון זיינע קינדערס שולען, נאָכדעם וואו זיי האָבען זיך ענדליך, דאָס ערשטע מאָל אין זיין גאַנצע היסטאָריע, פאַר זיי געעפענט אין דיא פרייע לענדער.

זיי מוזען אויך וויסען, אז דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען רופען ניט נור ארויס קלאַסען און נאַציאָנען קעמפּפע, נור אויך אידען קעמפּפע, און אז עס וועלען זיך מן הסתם געפינען מיליאָנען אידען וואָס וועלען זיך ענטזאגען צו געהן, וויא דיא בונדיסטען פון איין זייט, דיא ציוניסטען פון דער צווייטער זייט, אַ גרויסע טהייל פון דיא בורזשואַזיע און דיא מיטעלקלאַסע פון אַ דריטע זייט, און גלאַט רעליגיעזע אידען פון אַ פיערטע זייט. זיי מוזען אלזאָ וויסען, אז דער „מי ומי ההולכים“ איז דאָ אַ גרויסע קשיה, און אז דער גרעסטער טהייל פון דיא אידען וועט בלייבען אין גלות.

וואָס וועט ווערען פון דיזע אידען?

וויא אזוי וועט דיא נייע טערריטאָריע פון דיא נייע „עולה גולה“ ווירקען אויף דיא אידען וואָס וועלען בלייבען אין גלות? אונזיניג וויא דיא בעהויפּטונג פון דיא ציוניסטען — דיא מאַטעריעלע וויא דיא גייסטיגע — איז, אז אַ אידישע מלוכה ערגעצוואו, וועט מאַכען דיא אידען מעהר געאַכטעט אין גלות, אָדער וועט זיי קענען בעאיינפלוסען גייסטיג און קולטורעל — אונזיניג וויא דיזעס איז, האָט עס נאָך אַלץ מעהר זינען וויא דיא אידעע פון דיא ציוניסטען סאָציאַליסטען. שווער וויא עס איז, קען מען זיך נאָך וויא עס איז פאָרשטעלען, אז דער פילאָזאָפישער פאַקולטעט אין ירושלים, אונטער דיא פיהרונג פון אחד העם'ס לאַנג אָבגעשטאָרבענע אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע, זאָל האָבען וועלכען עס איז איינפלוס אויף אַ שניפּישאָקער משכיל. וויא אזוי אָבער דיא „נאַציאָנאַלע אינדוסטריע“ און דיא נייע טערריטאָריע אין אזיע אָדער אין אפריקאַ, זאָל קענען עקאָנאָמיש העלפען דיא אידען פון מזרח אייראָפּאַ — דאָס קען מען זיך בשום אופן ניט פאָרשטעלען.

דאָס אידישע פאָלק איז אלזאָ סוף כל סוף פעראורטהיילט אריינצופאַלען אין דיא רייהען פון דעם לומפּען פראָלעטאַריאַט, און וועט אַלץ ניט קענען זיין קיין פאַקטאָר אין דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן. אַלץ וואָס דיזער טערריטאָריאַליזמוס קען אויפטאָן, איז נאָך מעהר צו צושפּרייטען דאָס אידישע פאָלק. צו דיא פיעלע פלעצער וואו אידען געפינען זיך שוין היינט וועט צוקומען נאָך אַ פּלאַץ, דיא נייע טערריטאָריע.

פון דעם געזאָגטען, קען מען לייכט זעהען, אז דער ציוניזמוס סאָציאַליזמוס איז אַ פּשוט'ער אונזינן, פון אָנפאַנג ביז צו ענדע.

דאָס איז אַלץ געזאָגט, ווען מען גיט צו, אז זייער „טהעאָריע“ איז ריכטיג, וויא שטעהט עס אָבער אין אמת'ן מיט זייער „וויסענשאַפט“ און מיט זייער „מאַרקסיזמוס?“ מיר וועלען זיך צו דער צוקוקען אין דעם נעכסטען ארטיקעל.

יעקב מילך.

דיא אייזענבאהנען און דיא פראכטען

פון נחום צדק.

נאָכדעם ווי מיר האָבען שוין בעטראכט דיא פינאַנציעלע מיטלען, דורך וועלכע דיא מעהרסטע אייזענבאהנען אין די פעראייניגטע־שטאַאטען זיינען ארגאניזירט און אויסגעבויט געוואָרען, וועלען מיר יעצט אין קורצען בעטראכטען דיא מערקווירדיגע עקאָנאָמישע צושטענדע, וועלכע אונטערשיידען דיא אייזענבאהן־געשעפטען פון געוועהנליכע אינדוסטריעלע אָדער קאָמערציאלע אונטערנעהמונגען.

ערשטענס מוז אן אייזענבאהן אריינלעגען א גרעסערע טהייל פון איהר קאַפּיטאַל אין דאָס וואָס מען רופט „פיקסד קעפּיטעל," (שטעהענדען קאַפּיטאַל) וויא וועלכע עס איז אנדער אינדוסטרי. צום ביישפּיעל: זיא דאַרף האָבען פיעלע וואקזאלען, טרעקס אויף טויזענדער מיילען, קאָסטבארע לאָקאמאטיווען, וועלכע מען דארף פעררינכטען, עטליכע טויזענדע פּאסאזשיר־ און פראַכט וואַגאָנען, מאַגאַזינען און פיעלע אנדערע זאַכען, וועלכע עס וואָלט גענומען צופיעל פּלאַץ צו דערמאָהנען. דאָס אלעס שלינגט איין דעם גרעסטען טהייל פון דעם קאַפּיטאַל פון דער אייזענבאהן־קאָמפּאַני. געלד אויף דיעזע אויסריכטונג האָבען דיא אמעריקאַנער אייזענבאהנען בעקומען דורך ווערטה־פּאַפּיערען (באָנדס), וואָס זיי האָבען ארויסגעלאָזען און אויף וועלכע זיי מוזען צאָהלען א געוויסען פּראָצענט, צו דיא אייזענבאַהן מאַכט געלד צו ניט. דאָס האָט אויף דיא קאָמפּאַניעס ארויפגעוואָרפען דעם יאָך פון שטענדיג דאַרפען אויסצאָהלען געלד, עס מאַכט ניט אויס וויא קליין זייער איינקונפט זאָל ניט זיין.

דיא בעטרייבונגס אויסגאַבען פון אן אייזענבאהן זיינען אויך אונאבהענגיג פון דעם, צו דיא קאָמפּאני מאכט גרויסע געשעפטען אָדער קליינע. א פאַבריק, ווען זיא האָט ווייניג ארבייט קען זיא צושליעסען איהר פאבריק און אָפּלעגען איהרע אַרבייטער. אן אייזענבאַהן אָבער מוז ארויסשיקען איהרע טריינס צו דער בעשטימטער צייט, עס מאַכט ניט אויס צו דיא צאָהל פּאסאזשירען אָדער דיא וואָג פון איהר פראַכט איז גרויס גענוג צו בעצאָהלען דאָס וואָס דיא רייזע קאָסט, אָדער ניט. דאָס איז נאָך מעהר ביי דיא אמעריקאַנער אייזענבאַהנען וויא ביי דיא אייראָפּעאישע, ווייל דיא וויכטיגסטע מיטעל־פּונקטען פון לאנד זיינען פערבונדען מיט צו צוויי אָדער מעהרערע פערשיעדענע אייזענבאַהנען, וועלכע קאָנקורירען איינע מיט דיא צווייטע, און דארום מוזען זיי ארויסשיקען ציגע עפּטער, וויא עס וואָלט געוועזען דער פאל ווען יעדע אייזענבאַהן זאָל האָבען א מאנאפּאל אויף דעם פערקעהר פון איהרע ליניעס.

דער רעזולטאַט פון דיזע מערקווירדיגע לאַגע איז אז דיא צושטענדע, וועלכע קאָנטראָלירען דעם פּרייז פון פּראָדוקציאָן (אין דיזען פאל — דאָס קאָסטען פון פיהרען סחורה אָדער פּאסאַזשירען) זיינען אין דיא אייזענבאַהן־אינדוסטריע אָבהענגיג פון עטוואָס פערשיעדענער עקאָנאָמישע געזעצע, וויא אין דיא מאַנופעקטשור־אינדוסטריען. אזוי וויא דיא גרעסטע טהייל פון דיא אויסגאַבען פון אייזענבאַהן זיינען בעשטענדיגע און האָבען גאָר ניט צו טהון דערמיט צו דיא קאָמפּאַני מאכט גרויסע געשעפטען, אָדער קליינע, איז זעלבסטפערשטענדליך, אז וואָס מעהר פּאסאזשירען און סחורה זיא וועט פיהרען, אלץ ביליגער וועט זיא קאָסטען אויף יעדען פּאסאזשיר און אויף יעדען פּאָק סחורה.

דער אונטערשיעד פון פיהרען א טריין פון ניו־יאָרק קיין שיקאגא פול מיט פּאסאזשירען, אָדער ליידיג איז אזוי קליין אז עס קען קוים אָפּגעשאַצט ווערען. דיא צאָהל קאָנדוקטאָרען, אינזשינירען, פייערלייטע, סטיישאָן מאסטערס, טיקעט פערקויפער, אָפּיס אויסגאַבען א. ז. וו. איז דיזעלבע, אזוי צו אזוי. דער איינציגער אונטערשיעד קען זיין אין דיא קוילען וואָס ווערען פערצעהרט פון לאָקאמאטיוו. און דיעזער אונטערשיעד וועט זיין א גאנץ קליינער, ווייל דער לאָקאמאטיוו פערצעהרט מעהר קוילען דורך פיהרען דיא וואַגאָנען וויא דורך פיהרען דיא פּאַסאַזשירען. עס איז דארום קלאָהר, אַז פאר דיא אייזענבאַהן לוינט זיך גיכער צו פיהרען הונדערט פּאסאזשירען צו 10 דאָלער וויא 25 פּאסאזשירען צו 25 דאָלער. אין ערשטען

פאל וועט זיא איינגעהמען מיט ארום 400 דאָלער מעהר וויא אין צווייטען, וועהרענד איהרע עקסטרא אויסגאבען דורך דעם וועלען ניט בעטרעפען אפילו א צעהנטעל פון דיזער סומע. די אייזענבאהן, וועלכע דארף פערזאָרגען, אז עס זאָל זיין גענוג פּראָפיט אום צו קענען נאכקומען די גרויסע שטענדיגע אויסגאבען, זעהט דארום אין יעדען פּאסאזשיר און אין יעדען צוגענומענעם טאָן פראכט א צוגעקומענעם ריינעם איינקונפט, ווייל די אויסגאבען פון פיהרען דיזע עקסטרא פראכט זיינען אונבעדייטענד קליין.

דיזע עטליכע איינפאכע פאקטען מוזען געהאלטען ווערען אין זינען אום צו קענען פערשטעהן די מערקווירדיגע פּאָליטיק פון די אמעריקאנער אייזענבאהנען, — א פּאָליטיק, וועלכע האָט פיעלע פון זיי געבראכט צו באנקראָט און געלעגט דעם פונדאמענט פאר דעם גרויסען פערברעכען פון פיהרען איינעמ'ס סחורה ביליגער, וויא דעם צווייטענס. דאָס האָט אויך לייכטער געמאכט די גרינדונג פון איינינגע פון די מעכטיגסטע מאנאפּאליעס אין דער וועלט.

אין יאָהר 1869 האָבען פיער אייזענבאהנען — די „ניו יאָרק סענטראל,“ די „פּענסילוויי ניא,“ די „באלטימאָר ענד אָהייא“ און די „אירי“ — דירעקט פערבונדען דעם אטלאנטישען ברעג און שיקאגא מיט זייערע באהנען. יעדע פון דיזע קאָמפּאניעס האָט געהאט נאכצוקומען אונגעהייער גרויסע אויסגאבען, דריי פערטיל פון וועלכע האָבען געמוזט אויסגעגעבען ווערען צו די באהנען צו זיי זיינען געווען פול מיט פּאסאזשירען און סחורות צו ניט. עס פערשטעהט זיך אז אלע דיזע פיער קאָמפּאניס האָבען געמוזט צו פיהרען אזוי פיעל פּאסאזשירען און סחורה וויא נאָר מעגליך. דאָס וואָס זיי זיינען געווען פיער, וועלכע האָבען זיך גענעטהיגט אין דעמזעלבען טרייב־האנדעל האָט געמאכט אז זיי זאָלען זיך ארומרייסען אום צו בעקומען צו פיהרען א גרעסערע טהייל דערפון. עס פערשטעהט זיך, אז דורך דעם איז צווישען זיי ארויסגעקומען א שטארקע קאָנקורענץ.

ווען פאבריקאנטען און סוחרים קאָנקורירען איינע מיט די אנדערע אונטער עהנליכע אומשטענדען לאָזען זיי ביסלעכווייז ארונטער די פּרייזען ביז זיי קומען צום „קאָסט פּרייז“. זאָלען זיי אָבער געהן נאָך ווייטער און ארונטערלאָזען אזוי, אז עס זאָל אויסקומען צו פערלירען, וועלען די שוואכערע פירמען סוף כל סוף מוזען ארונטערגעהן פון מארק. די פערבליבענע וועלען דאן אויפהערען זיך צו קאָנקורירען און צוריק שטעלען די פּרייזען אזוי, אז עס זאָל זיי בלייבען א גענינגענדער פּראָפיט.

מיט די אייזענבאהנען איז אָבער ניט אזוי. ערשטענס איז שווער צו זאָגען וועלכער פּרייז פאר פיהרען פּאסאזשירען אָדער פראכט ברענגט פּראָפיט און וועלכער ניט. איינינגע ביליגע און שווערע סחורות וויא קוילען, אייזען א. ז. וו. ווערען געוועהנליך געפיהרט פאר אזא ביליגען פּרייז, אז ווען אלע סחודות זאָלען אזוי געפיהרט ווערען וועט די קאָמפּאני ניט האָבען גענוג אויף צו דעקען אלע איהרע אויסגאבען. פאר פיהרען דיזע סחורות קען מען אָבער ניט צאָהלען קיין גרעסרען פּרייז. עס לוינט זיך דארום דער אייזענבאהן זיי צו פיהרען פאר ביליג, כדי צו פערגרעסרען איהר איינקונפט, פון וועלכען זיא דארף אויסצאָהלען איהרע גרויסע אויסגאבען.

צווייטענס, אפילו ווען די פּרייזען פאר פראכט זיינען שוין געפאלען אזוי ניעדריג אז מען דערלעגט איינפאך צו זיי קען קיין אייזענבאהן זיך ניט איינשפּארען צו פאָדערען א העכערען פּרייז, זאָנסט האָט זיא ניט צו פיהרען אפילו איין פּאסאזשיר אָדער א שטיקעל סחורה, וועהרענד איהרע אויסגאבען וואָלטען אין דערזעלבער צייט געווען אזוי גרויס וויא אימער.

אין די קאָנקורענץ, וועלכע האָט אויסגעבראָכען צווישען די אויבענדערמאָהנטע פיער אייזענבאהנען זיינען די פּרייזען פאר פיהרען פראכט געפאלען פון איין דאָלאר מיט 83 סענט פאר א הונדערט פונט אויף 25 סענט פאר דערזעלבער וואָג. פּאסאזשירען פון ניו־יאָרק קיין שיקאגא האָט מען דאן אין איין צייט געפיהרט פאר א דאָלער (דער יעצטיגער פּרייז איז פון 16 ביז 20 דאָלער.)

נאטירליך, דאָס שטענדיגע ארונטערלאָזען פון די פּרייזען מוז אונפערמיידליך טרייבען די שוואכערע קאָמפּאני צו באנקראָט. אין דעם פאל פון פאבריקאנטען געהט דער באנקראָטירטער ארויס פון דאָס געשעפט. מיט איין אייזענבאהן קען דאָס אָבער ניט פּאסירען. אן אייזענבאהן קען זיך ניט אָפּשטעלען. ווען זיא באנקראָטירט געהט זיא איבער אין די הענד פון א „רעסיווער,“ דאָס הייסט, א פערטרעטער פון איהרע קרעדיטאָרען. דער „רעסיווער פערוואלטעט דאן די אייזענבאהן און זעהט, אז עס זאָל זיין גענוג פּראָפיט צופריעדענצושטעלען די קרעדיטאָרען. אזוי וויא אָבער א באנקראָטירטע אייזענבאהן דארף ניט צאָהלען קיין דיווידענדען, האָט דער „רעסיווער“ די מעגליכקייט נאָך ווייטער ארונטערצושניידען די פּרייזען און קאָנקורירען נאָך שטארקער וויא די פריהעריגע בעלי־הבתים פון דער אייזענבאהן. דאָס ברענגט

סוף כל סוף די איבעריגע אייזענבאהנען אויף צו באנקראט.

דאס אלעס איז ניט בלויז א טהעאריע. עס איז בעגרינדעט אויף ווירקליכע פאקטען וועגען די אמעריקאנער אייזענבאהנען און וואלט גע־קענט בעשטעטיגט ווערען פון פיעלע בייספיע־לע פון דער אמעריקאנער אייזענבאהן געשיכטע, ווען דער פלאץ וואלט דאס נאר ערלויבט.

דיזע ביטערע ערפאהרונג האט סוף כל סוף געצוואונגען די אמעריקאנער אייזענבאהנען, נאך אין זייערע ערשטע יאהרען צו קומען צו א פערשטענדניס צווישען זיך, אום אין דער צו־קונפט צו פערמיידען די רואינירענדע קאנקור־רענץ.

אין איראפא האט מען גלייך פון אנפאנג ארויסגעזעהען, אז אייזענבאהנען זיינען פער־שיעדען פון אנדערע געשעפטען, און דארט אפילו וואו די רעגירונגען האבען ניט אליין געבויט די אייזענבאהנען, האבען זיי אבער בעווארענט אז יע־דע פריוואט קאמפאני זאל האבען א מאנאפאל אויף דער שטרעקע וואו איהרע באהנען פאהרען. אנשטאט זיך צו פערלאזען, אז קאנקורענץ וועט האלטען דעם פרייז פאר פאסאזשירען און פראכט ניעדעריג, האבען די איראפעאישע רעגיערונ־גען בעשיטצט די אינטערעסען פון פאלק דורך דעם וואס זיי האבען פאר זיך אליין געלאזען דאס רעכט צו רעגולירען דיזע פרייזען. אין די פער־איינגטע שטאאטען, ווידער, האט מען גערע־כענט אז פאר'ן פאלק וועט זיין פיעל בעסער ווען מען וועט די נאטירליכע עקאנאמישע געזעצע געבען א פרייע האנד און מען האט ערמוטהיגט דאס בויען פיעלע פאראלעל אייזענבאהנען צווי־שען דיזעלבע שטעדט, אין דער האפנונג אז דאס וועט האלטען די פראכט און פאסאזשיר פריי־זען קליין.

די אייזענבאהנען זיינען געוועזען די ערש־טע צו לערנען פון ערפאהרונג, אז אונבעשרענק־טע קאנקורענץ ברענגט אונפערמיידליך צו באנק־ראט און אונניציגען שאדען ניט בלויז פון די אקציאנערען פון דער קאמפאני, זאנדערן אויך פאר דעם פאלק אין אלגעמיין, וועלכער מוז סוף כל סוף פאר דעם אלעמען בעצאהלען.

די ערסטע אייזענבאהן פעראייניגונגען זיינען געוועזען בעקאנט אלס „פולס". דער הויפט צוועק פון א „פול" איז געוועזען צו פערמיידען א האלדז־שניידענדע קאנקורענץ. די מיטלען צו ערגייכען דיזען צוועק זיינען געוועזען פערשיעדען. צוערשט האבען די „פולס" דאס פרובירט דורכ־פיהרען דורך פארשרייבען די פראכט וואס יע־דער מיטגליעדער פון „פול" האט בעדארפט נעה־מען. עס האט זיך אבער אין גיכען ארויסגעוויע־זען אז די עקאנאמישע געזעצע, וועלכע רעגולי־רען די אייזענבאהן געשעפטען זיינען פיעל שטארקער וויא די „דזשענטלמען'ס אגרי־מענטס," וויא די איינפערשטענדניסע צווי־שען די אייזענבאהנען מאגנאטען האבען געהיי־סען.

די מענשליכע נאטור איז איבעראל דיע־זעלבע, און אפילו גרויסע קאפיטאליסטען קענען אויך ניט ווידערשטעהען דעם רייץ פון געלד. צו אן אייזענבאהן פרעזידענט קומט איינער וואס שיקט ארויס פיעל ווייץ, אדער דער אייגענ־טהימער פון איינע פון די ריעזען פלייש־פיר־מען, דורך וועלכע שיקאגא ערשטוינט די גאנ־צע וועלט, אדער דער אייגענטהימער פון א גרוי־סע קאהלען מינע, און באט אן צו שיקען אלע זיינע סחורות דורך דיזען פרעזידענט'ס באהן, נאר באופן אז מען זאל איהם דערפאר ארונטער־לאזען פון פרייז. דער אייזענבאהן פרעזידענט וועט מיט איהם טענה'ן אז ער קען דאס ניט טאהן, אז ער מוז אלעמען פיהרען פאר דעמזעל־בען פרייז, אבער דער וואס וויל שיקען די סחורה ערקלעהרט איהם אז ער איז א גרעסערער מיוחס וויא אנדערע און איהם קומט צו לאזען פאר ביליגער, ווייל ער קען שיקען גאנצע באה־נען סחורה מיט אמאל, וועהרענד די אנדערע עקספארטערס האבען קוים צו שיקען איינציגע וואגאנען. אויסער דעם, אויב דיזע באהן וועט דאס ניט טהון זיינען דאך דא אנדערע באהנען, און יענע וועלען זיכער זיין צופריעדען מיט אזא קינד וויא ער, דער פרעזידענט וועט, אדער ער וועט ניט נאכגעבען דעם ערשטען מאל. אויב ער גיט ניט נאך וועט ער אין גיכען זעהען וויא דער אויבענדערמאהנטער מינען אייגענטהימער אדער פלייש הענדלער אדער אנדער עקספארטער האט ווירקליך איבערגעגעבען צום פיהרען אללע זיינע סחורות צו א קאנקורירענדע באהן, וועלכע איז אויך א מיטגליעד פון „פול." עס איז פיע־לייכט מעגליך, אז די צווייטע אייזענבאהן האט איהם ניט ארונטערגעלאזען פון פרייז, אבער דער פרעזידענט פון דער ערשטער קען דאס ניט אויסגעפינען. דארום ווען עס מאכט זיך איהם א צווייטע געלעגענהייט אז א גרויסער עקס־פארטער קומט צו איהם מיט אזא פארשלאג לאזט ער איהם שוין ניט אוועק און בעוויליגט איהם א געהיימען ראבאט.

פאר דעם גרויסען עקספארטער איז דאס אבער בלויז אן אנפאנג. נאך אזא פאל סטרא־שעט ער ווידער איין אייזענבאהן מיט דער צוויי־טער, אום צו קריגען אלץ גרעסערע ראבאטען. דאס קען אבער ניט אנגעהן לאנג אז די איבע־ריגע מיטגליעדער פון „פול" זאלען זיך דערפון

ניט דערוויסען. עס זיינען געמאכט געוואָרען פיעלע פערזוכע דורך דיא קאָורטס איינצומאַהנען געלד פון אזעלכע אונטרייע מיטגליעדער פון „פּול“, אָבער דיא געריכטע האָבען ענטשיעדען אז אזעלכע „פּולס“ זיינען אונגעזעצליך לויט דעם געזעץ, וועלכער פערביט דיא פעראייניגונג פון אינדוסטריען מיט דעם צוועק צו שטערען דעם האנדעל — דער אנטי־טראָסט געזעץ.

דיא אייזענבאהנען האָבען דאן געזוכט צו פערשטארקערן דיא „פּולס“ דורך דעם וואָס זיי האָבען אָבגעמאכט אז יעדער מיטגליעד זאָל איינלעגען א גרויסע סומע געלד, וועלכע האָט בעדאַרפט פערלוירען געהן אין פאל ער ברעכט דעם אָבמאך פון „פּול“, אָבער אויך דאָס האָט ניט אימער געהאָלפען.

דער נעקסטער שריט איז געווען צו מאכען א „פּול“ אויף דעם פערקעהר אָדער אויף דיא איינקינפטע, דאָס הייסט, אויב דער „פּול“ איז, צום ביישפּיעל, בעשטאַנען פון פיער אייזענבאהנען, האָט מען אָבגעמאכט אז יעדע זאָל בעקומען א געוויסע צאָהל פראכט, פּראָפּאָרציאָנעל צו איהר וויכטיגקייט און לויט דיא געשעפטען וואָס זיא האָט געמאכט אין דער פערגאנגענהייט. אונטער דיזען „פּול“ האָט יעדע אייזענבאהן געפיהרט אזוי פיעל פראכט, וויפיעל מען האָט איהר געבראכט צו פיהרען, אָבער צו ענדע פון יאָהר האָבען דיא באהנען, וועלכע האָבען געפיהרט מעהר פראכט וויא זייער אָנגעגעבענע טהייל, אָפּגעגעבען זייערע עקסטרא איננאַהמען צו דיא, וועלכע האָבען געפיהרט ווייניגער וויא זייער טהייל; אונטער דיזע אומשטענדען האָט מען געגלויבט אז עס וועט זיך קיין באהן ניט לוינען ארונטערצולאָזען פון דעם בעשטימטען פרייז, ווייל זיא קען דאָך גאָר ניט האָבען דערפון וואָס זיא וועט פיהרען מעהר פראכט. אָבער אפילו דיזער מיטעל האָט אויך ווייניג געהאָלפען, ווייל יעדע אייזענבאהן האָט געזוכט צו פערגרעסערן דיא צאָהל פון איהר פראכט, כדי זיא זאָל קענען פאָדערן א גרעסערע טהייל פראכט ווען דער קאָנטראקט פון „פּול“ וועט בענייעט ווערען. זיא וועט האָבען א רעכט דערצו, ווייל זיא וועט קענען ווייזען אז זיא מאכט פיעל גרעסערע געשעפטען וויא פריהער. זיא האָט דארום אויך געגעבען געהיימע ראבאטען צו גרויסע עקספּאָרטערס אבי זיי זאָלען איהר לאָזען פיהרען זייער פראכט.

דורך דיזע שוואכקייט פון דער אייזענבאהן אָרגאַניזאציאָן זיינען דאָס אויסגעבויט געוואָרען דיא גרעסטע מאָנאָפּאָלען אין דיא פעראייניגטע שטאאטען. עס איז בעוואוסט איבעראל אז דער סטענדערד אָיל טראָסט האָט הויפּטזעכליך צו פערדאנקען זיין סוקסעס אין דיא פריהעריגע יאָהרען דורך ראקעפעלערס פעהיגקייט אזוי צו האלטען אין האנד דיא אייזענבאהן פערוואלטער אז ניט נאָר האָבען זיי געפיהרט זיין אָיל פאר ביליגער וויא דעם אָיל פון זיינע קאָנקורענטען, זאָנדערן זיי האָבען איהם אויך געמוזט אוועקגעבען די געלד וואָס זיינע קאָנקורענטען האָבען געצאָהלט מעהר וויא ער. דאָסזעלבע איז אמת וועגען פלייש־טראָסט, וועלכער בעקומט נאָך יעצט אויך ראבאטען אונטער פערשיעדענע פאָרמען; דאָסזעלבע איז אמת וועגען קוילען טראָסט, וועמעס אייגענטהימער עס זיינען דיא אייזענבאהנען אליין, און וועגען עטליכע אנדערע פון דיא גרעסטע טראָסטס.

ליטעראטור



ארויס פון גלות.

(ארזארעט.)

פון פער האלסטראם.

איבערזעצט פון מאיר בלינקין.

אין קויטיגע פלעקען איז נאָך
אויפ'ן בארג געלעגען דער שניי.
אביסעל נידריגער האָבען גע־
טונקעלט אין דיא אויגען נא־
קעטע, דעמבאָווע וועלדער; און
נאָך נידריגער איז געלעגען
אויסגעשפּרייט דיא שטאָדט.

פון דער שטאָדט ביז דעם ים איז בסך הכל
נישט מעהר וויא א האלבער טאָג גאנג, נור פון
דעסטוועגען האָט זיך דיא נאָהענטקייט גאָר ניט
געמערקט.

אין גיכען האָט בעדארפט אָנקומען דער
ליעבער פריהלינג. אָבער אזוי וויא אין דיא
ערטער פלעגט דיא זונן זעהר שפּעט ארײנשיי־
נען און זעהר אויף א קורצע צייט, איז דיא ערד
דאָ געווען פוילער וויא געוועהנליך, און נור דער
האסטיגער ארומשוועבען פון דיא וואָלקענס
מיט זייערע פון ווינט אָבגעריסענע ברעגעס האָ־
בען עדות געזאָגט אז אין גיכען וועט זיך ענ־
דיגען דער שרעקליכער ווינטער.

דיא גאנצע שטאָדט איז געווען שטארק צו־
נויפגעפּרעסט וויא אין אן ענגער פּאס. דאָס
איינציגע פון וואָס זיא האָט געקענט קלייבען
תענוג איז געווען פון זיך אליין. און אזוי האָט
זיא טאקע געטהאָן. שווארצע, פער'חושך'דיגע
הייזער זיינען געווען אָנגעשטעלט, אָנגעקלעפּט
אויף צוזאוואָרפענע בערגלאך, ארויסשטעקענדיג
זייערע שמאָלע, טרויעריגע פראָנטען, גלייך וויא
זיי וואָלטען איינע דעם צווייטען מיט דיא עלענ־
בויגענס אין דיא זייטען אריין געשפּארט. אזוי
האָבען זיי, אָנגעבלאָזענע, מיוחס'דיגע, אראָב־
געקוקט אויף אונטען, אויפ'ן טיעפען, פארדריי־
טען טייך, און אויף דעם טרוקענעם ברעג פון
זיין צווייטען זייט, וואו פונקט אזא קנויל פון
צונויפגעדריקטע הייזער, האָט פער'עקשן'ט בא־
געגענט זייער בליק. העכער פאר זיי אלעמען
האָט זיך אויפגעהויבען דער קלויסטער מיט א
הילצערנעם, בראון־פערזשאווערטען דאך, מיט
עטליכע קארניזען פון טורעמס, וועלכע זיינען
געווען א סך ארויסגערוקט פון גדר און האָבען
אויסגעזעהען וויא ציין ביי א'ן אלטען ריעז אין
מויל. און פון אונטער דעם אלעם האָט ארויס־
געקוקט דיא „אידישע גהעטאָ“.

גאָר הינטען, דאָרט, וואו אָבגעטהיילט דורך
א קליינעם בארג איז געלאָפען דער פארדרייטער
טייך אין דער ניעדער, וואָהין פון אלע בערג איז
אראָבגעלאָפען די שמוץ, וואו עס פלעגען זיך צו־
נויפגיסען פארשיעדענע זומפּען און שטענדיג
איז געווען א רעש און א געפילדער; דאָרט,
וואו אויף דעם אלעם האָט זיך געלייגט דער
שווערער שאטען פון'ם בארג, און עס האָט גע־
פינטעלט אין דיא אויגען א מיש־מאש פון
שווארצע, געלע דעכער, באדעקט מיט שימעל;
דאָרט וואו עס האָבען געגלאנצט וויא וואונדען
ברודיגע פענסטער, וואו עס האָבען געפלאטערט
קויטיגע, פארטראָגענע, פיעל־פארביגע שמא־
טעס, דאָרט איז געווען דיא אידישע גהעטאָ,
וויא מיט א כוון, כדי יעדער זאָל האָבען פון וואָס
צו לאכען. דאָס אידישע גהעטאָ האָט אזוי
מיאוס, אזוי ניעדערגעשלאָגען אויסגעזעהען, אז

יעדער איינציגער, וויא נידריג ער זאָל אַליין נישט זיין, האָט געקענט פון איהר חוזק מאַכען וויפיעל זיין הארץ האָט נור געגלוסט.

דאָרטען פלעגט זומער דאָס וואַסער פוילען אין טייך הינטער אַ געדיכטען פּאַנצער פון געל־שוואַרץ, מיט פעטע פלעקען באַדעקט. אין מי־טען פלעגט זיך נאָך אַמאָל דאָס וואַסער באַוועגען. אָבער ביי דיא ברעגען, וואו דיא קליינע שיפלאַך שטעהען, איז זיא געווען פארגליווערט אין אַ געדיכטען, עקעלהאַפטען זומפּ. אַהין פלעגט מען פערשלעפּען דיא קערפּערס פון נבלות מיט זייערע אויפגעבלאָזענע בייכער און אַרויס־געשטירצטע ציין, מיסט און ד. ג. אין דער צייט פון אַ געוויסער פלעגט פאַרטרונקען ווערען דאָס צופוילטע בריקעל. דאָס וואַסער פלעגט מיט אַ ווילדען כעס רייסען דיא קייטען פון דיא אַנקערס, פאַרגיסען דיא דערבייאיגע קעלערס, פאַרטרייבען פון דאָרט די פערשטויסענע מענשען מיט דיא בהמות און אַליין אַרומשפּאַצירען אי־בער דיא שוועלען. ווען דער ערשטער שניי פלעגט פאַלען, פלעגט ער מיט זיין גאַנצען ווייס־קייט און קלאָהרקייט דאָ אויסזעהן קויטיג, און אונבאַמערקט.

ענג און שטיקענד איז דאָ געווען פון דיא מענשען מיט זייערע אַמפּערייען. דעם טהייל שטאָדט, האָט עפּעס וויא אַ שוואַרצער גייסט צונויפגעדריקט אין צוואַנגען, אַזוי פאַרזאָרגט, פאַריאָמערט האָט ער אויסגעזעהען. דיא מענער —בלייכע, אין שוואַרצע קאַפּאָטעס. דיא פרויען נאָך בלייכער אין שוואַרצע שאַלען. און ביי יעדען פון זיי אויף דער פלייצע איז וויא אַ׳ן אויס־געברענטער שטעמפּעל ביי אַ געפעהרליכען פאַר־ברעכער, צוגענעהט אַ געלע לאַטע, כדי מען זאָל נאָך דיא קליידער באַלד דערקענען צו וואָס פאַר אַ נאַציאָן זיי געהערען. און דאָס איז נאָך נישט אַלעס. כדי דיא ערניעדריגונג זאָל זיין שטאַרקער און גרעסער, אַז ווער עס וועט דער־זעהען דיא געלע לאַטע זאָל אויספּלאַצען אין אַ ווילדען געלעכטער, האָט מען פון אויבען אויף איהר אויסגעמאָלט אַ נאָגעל, אַלס אַ צייכען פון אַ העסליכער, לעבעדיגער באַשעפענעס.

און אָט דעם שאַנד־פלעק זיינען זיי געווען געצוואונגען צו טראָגען אפילו אין זייער איי־גענעם קוואַרטאַל. ער זאָל זיי אימער דערמאַנען אָן זייער אָבשטאַמונג. אויבען אין שטאָדט, דאָרט, וואו דיא קריסטען וואָהנען, האָבען זיי נאָך געמוזט אַראָבנאַפּען דיא היטעל פאַר יע־דען, ווען זיי האָבען באַגעגענט, און נידריג זיך פאַרנייגען פאַר יעדענס בליק וואָס האָט קאַלט און אָבלאַכענדיג אויף זיי געקוקט. דיא צייט פון פסח האָבען דיא אידען ניט גע־טאָרט זיך ווייזען אויף דיא אויגען פון דיא קריסטען, און זיי פלעגען טאַקע פערקריכען אין זייערע נאָרעס אויף דעם גאַנצען יום־טוב, און פעסט פערשטאָפּען דיא אויערן, אַז זיי זאָלען אַפילן נישט הערען דאָס קלינגען פון דיא גלאָקען.

אָבער איינער פון דיא אידען האָט געמוזט זיין אין קלויסטער בעת׳ן גאָטעס־דיענסט. און דאַמאָלס, ווען זיי פלעגען זינגען שבחים צו זיין ליעבען נאָמען, האָט ער זיך געדאַרפט דרעהען און קנייצען פאַר שאַנדע און וועהטאָג פון דיא גרויסע פּעטש, וואָס ער פלעגט באַקומען אין זיינע בלייכע באַקען. יעדער, ווען עס האָט זיך נור פאַרגלוסט פלעגט איהם געבען פּעטש אַלס אַ תשובה פאַר דעם, וואָס זיינע אור־עלטערן האָבען זיך אַמאָל פאַרזינדיגט. און בעדאַרפט האָט ער אוועקגעטראָגען דעם צייכען פון דיא קלעפּ אויף זיין פּנים אַהיים צו זיינע קינדער און פריינד... און דאָס אַלעס איז גע־טהאָן געוואָרען צוליעב זייער טובה: מען האָט זיי דערמאָנט אָן זייער אַמאָליגער זינד...

געטראָפען האָט דאָס פאַר פּסח. היינטיגער פּסח איז אויסגעפאַלען פריהער וויא געוועהנ־ליך. שווער און נאַס איז געווען דיא לופט. קיין סימן פון פריהלינג האָט זיך אפילו ניט גע־מערקט. דאָס וואַסער, אָנגעפיללט מיט שניי, האָט געברומט און זיך געבייזערט אַזוי וויא זיא וואָלט דערמיט וועלען אָנוואַרפען אַ שרעק אויף דיא אידען — אַז זיא קען אַראָב טראָגען זייערע אָרימע הייזלעך מיט זייער שטיקעל ערד, וואָס דאָס איז ביי זיי אַלעס...

וויא שווער עס איז ניט געווען צו לעבען, אָבער אַטהעמען איז זיי נאָך געווען ערלויבט. צייט מען געדענקט, האָט מען נאָך קיינעם דאָרט ניט גע׳הרג׳עט דערפאַר וואָס ער איז אַ איד. זיי האָבען געהאַט אַפילו דיא מעגליכקייט צו קלייבען געלד אויב זיי האָבען נאָר דאָס גע־קענט גוט בעהאַלטען. זיי איז ערלויבט, כאָטש נור שטעהענדיג אויפ׳ן וועג, דאָך עסען זייער ברויט. זיי האָבען אויך געקענט רוהיג שטאַר־בען. און טאַקע אויף איינעם פון דיא נאָהענטסטע בערג, איז געווען זייער בית־עלמין אָנ־געפּיקעוועט פול מיט מצבות. דיא מצבות זיינען געווען אַזוי געדיכט אָנגעשטעלט איינע לעבען דער צווייטער, אַז עס האָט אויסגעזעהען וויא אַ גאַנער פאָלק וואָלט אויפהייבען דיא הענט צום הימעל. דאָרטען האָבען זיי זיך געקענט אויסרוהען און וואַרטען ביז משיח וועט קומען. און גערעדט האָט מען אַז ער דאַרף גאָר אין גיכען קומען.

אין אַנדערע לענדער האָט זיך דיא אידען געלעבט נאָך שווערער. דאָרטען פלעגען זיי

אפילו ביי־נאכט, אין חלום, זעהען וויא הער שלים־מזל שטעלט זיי ארויס א צונג. אזוי וויא א בייזער גייסט האט זיי פערפאלגט דיא פיינדשאפט און אונצופריעדענהייט פון אלע מענשען צווישען וועלכע זיי האבען זיך געפונען. קיינער האט זיי ניט געליטען. ניט געליטען האבען זיי דיא רעגיערונגס־בעאמטע, וועלכע פלעגען, וויא פיאווקעס פון זיי אויסזויגען זייער בלוט און פארמעגען, קוקענדיג אויף זיי נור וויא אויף בהמות, וועלכע מען מאכט פעטער צום שעכטען... פון יענער זייט ים, פון רוים, האבען זיך אויף זיי געשאטען גליהענדע קללות פון דעם „הייליגען“ פאפסט, וועלכער האט גוט אויסגערעכענט, אז זיין יעדעס ווארט זאל פערוואונדען דאס אידישע הארץ און איבערלאזען אן אונהיילבארען שמערץ... און אין דרום, דיא גרויזאמקייט פון דיא אראבער, וועלכע האבען געברענט און געבראטען זיי לעבעדיגערהייט; אדער גאר פון דיא קריסטליכע זעלנער, וועלכע פלעגען אויף זיי אנפאלען און זיי הרג'ענען גלאט אזוי, צוליעב אביסעל שפאס. אין מזרח, ווידער, האט געהערשט דיא זעלבע שרעק, די זעלבע רדיפות, און דער זעלבער זיפץ.

און דערפאר אליין האט דאך געמוזט ענדליך קומען משיח, אז נישט וואלט זיין קומען פיעלייכט צו שפעט געווען...

אלע אין־דער־פריה, איידער זיי פלעגען אוועקגעהן וועגען זייערע וואכעדיגע עסקים, פלעגען זיי זיך צונויפקלייבען און אלע צוזאמען בעטען גאט, אז ער זאל שוין גיכער שיקען משיח'ן. צו מנחה און צו מעריב האבען זיי אויך געטהאן דאס זעלבע.

ניט דערפאר, ווייל זיי זיינען ווערטה אז משיח זאל קומען, האבען זיי וועגען דעם גאט געבעטען, ניין! נור צו דען ־ זשע זעהט ניט גאט וויא פאר'צרה'ט, נידערשלאגען זיי זיינען. וויא זיי זיינען גרייט יעדער מינוט, מיט שמחה צו ערפילען זיין באגעהר? זיי האבען טאקי ניט פארשטאנען גאט'ס ווערטער. נור וועה, דאס איז אזוי שווער געווען, אזוי אונמעגליך, און וואו האבען זיי געקענט נעהמען צייט און רוה ניט נור נאכצודענקען וועגען גאט'ס ווערטער, נור אפילו איהם א לויב צו שיקען? מיט בלוטיגען שווייס הארעווען זיי דאך נור אויף זייער ברויט. און זיי מוזען נאך זעהען צו קענען אבלייגען עטליכע גראשען. זיי מוזען קענען דיא טייפעלשע ארבייט, ווייל זיי מוזען זיך פארזארגען... פון אלע זייטען ווארפט מען אויף זיי שטיינער, היינט וויא אזוי קענען זיי ערפילען אלע זיינע מצות? אבער דערפאר איז אפילו ביים יעדען ווארט פון דיא תפלות, ניט אפילו א חוט השערה פון אלע הייליגע מנהגים איז ניט אויסגעמעקט געווארן אין זייערע אויסגעמאטערטע מוחות. און דאס איז אלץ וואס זיי האבען, אלץ וואס ס'איז זיי פארבליעבען פון אמאליגען לעבען. און אהן פיעל פון דיא איבריגע זאכען האבען זיי זיך געמוזט וויא־עס־איז באגעהן.

משיח מוז קומען, דערפאר אליין, ווייל זיי האבען איהם אזוי נויטהיג בעדארפט! כאטש אונטערבינדען זיינע וויינשטאקען האט ער געדארפט קומען, ווייל דיא מענשען אליין האבען זיך שוין געוואלגערט אין בלאטע! און קומען וועט ער! דער קלוגער רבי בן־ישא האט נאך מיט א סך הונדערטער יאהרען צוריק שוין אויסגערעכענט דיא צייט פון זיין קומען, און עס איז געפאלען פונקט אויף היינטיגען יאהר. און אנדערש קען גאר ניט זיין. גאר אין דיא אלטע צייטען, פלעגט מען האבען טעות'ן אין חשבון. אבער דער קלוגער בן־ישא האט פינקטליך אויסגערעכענט, ווייל ער האט בכלל קיין מאל אין קיין שום זאך קיין טעות ניט געמאכט.

דער רב אליין האט זיי אצינד אנגעזאגט דיא גוטע בשורה, אז אין גיכען קומט משיח און אלע רבנים פון אלע לענדער האבען זיך דורכגעשריעבען אז יעדער זאל עס אנזאגען דיא דארטיגע אידען. אמת, זיי האבען טאקע מיט זארג געשאקעלט זייערע גרויע, אלטע קעפ. דאך האבען זיי אויף קיין האר ניט געצווייפעלט אין רבי בן־ישא'ס הייליגע ווערטער. זיי האבען נור ניט געוואוסט דעם ריכטיגען טאג פון משיח'ס קומען, דיא ריכטיגע שעה פון ערלייזונג.

גרויס איז געווען זייער פרייד, נור זייער שרעק — נאך גרעסער. זיי האבען אזוי מורא געהאט פאר זייערע שונאים, אז אפילו צווישען זיך האבען זיי שטיל, באהאלטענערהייט, גערעדט פון זייער גליקליכער צוקונפט, און דאך האט דיא ליכטיגע בשורה, וויא שטילע וואסער, אריינגעדרונגען אפילו אין דיא ארימסטע הייזער, אין דיא פארביטערטסטע הערצער און דארט געמאלען א בעסער לעבען און דארט אויפגעפלאקערט א פלאם פון דעם טליענדען קאלטען פונק.

* * *

עס איז געווען ערב שבת. רחל איז געזעסען אין הינטער־הויף, אויפ'ן שוועל פון טויער, וועלכער האט געפיהרט צום ברעג טייך און האט אלץ געווארט — ווען וועט שוין פארשטומט ווערען דער טומעל הינטער איהרע פליצעס!...

זיא האט זיך געפיהלט זעהר מיעד. מיעד דערפון, וואס מען האט געמוזט לעבען פאר־

שפּאַרט וויא אין אַן אייזערנעם שטייג, מיעד פון דעם צוגעגעסענעם ווינטער, און נאָך מיעדער פון דעם אָנקומענדיגען פריהלינג, וועלכער האָט איהר קיין נייעס ניט געקענט ברייננגען. דער פריהלינג איז ניט געקומען פאַר איהר, און ניט פאַר איהר פאָלק. זיי האָט ער גאָר ניט גע־קענט געבען. ער האָט נאָך ביי זיי אַלעם צוגע־נומען. מיט ליעבע און ליכט איז געווען אַרומ־גערינגעלט דער פריהלינג. פרייד און מוזיק האָ־בען איהם בעגלייט. מען וואָלט בעדאַרפט אין זיך דאָס אַלץ איינזויגען, איינאָטהמען, כדי דיא נשמה זאָל קענען לויבען און זינגען אַ שבח צו גאָט! אָבער, ניין, ניט פאַר אידען איז דער פריהלינג געקומען . . .

וויא אַזוי קענען זיי, געבונדענע מענשען, גאָר דיינקען וועגען פריהלינג? וויא אַזוי קענען געשמידטע, אין אייביגען שרעק לעבענדע, זיין דרייסט; און פאַרטריבענע אין דער פינסטער־ניש, וויא קענען זיי זיך פרעהען מיט דער שיין? אפילו זיך באַקלאָגען פאַר אימיצען האָבען זיי אויך ניט געקענט, ווייל פאַרשטיקט זיינען געווען זייערע מיילער.

אַ! דאָס בעסטע פאַר זיי איז נור זיך שטאַרק אַרומכאַפּען פאַר'ן קאָפּ און מיט אַראָב־געלאָזענע אויגען פאַרהויעגען זייער גרויסען און שטילען שמערץ; פאַרלעשען אין זיך יעדעס לעבענס־געפיהל און דערנאָך שטאַרבען!

זיי לעבען אַלע אַזוי נאָהענט איינער לע־בען צווייטען, אַז גאָר אפילו ניט־ווילענדיג מוז יעדער דאָך הערען און פיהלען דעם צווייטענס זיפצן און קרעכצן. ניט־ווילענדיג מוז יעדער אריינקוקען אין צווייטענס לעבען און טרעפען פונקט מיט'ן אויג אין דעם צווייטענס חדרי־חדרים און דיא בעהאַלטענע וועהטאָגען. דיא צרות האָט מען געפיהלט נאָך מעהר דערפאַר, ווייל זיי האָבען אָבגעקלונגען אין יעדענס אויערן. זייער יעדער פערגניגען האָט אויסגעזעהען אַזוי קליין, אַזוי אָרים, און יעדער האָט געוואוסט אַז ער איז געמישט מיט טרעהרען, לייד און פיין. און ווען פערשפּרייטען פלעגט דיא נאַכט איבער זייערע קעפּ איהר שווארצען שלייער און זיי וואָלטען געקענט שלאָפען רוהיג — אויך דאַ־מאָלס האָבען געציטערט און געפלאַטערט זייע־רע נשמות ווען ניט אויפ'ן וואָהר, איז פון דיא ווילדע און נארישע חלומות.

צייטענווייס פלעגט דיא שטילקייט פון דער נאַכט אויפגעטרייסעלט ווערען פון אַ רייהע קולות. דאָס פלעגט אימיצער פון דער אויי־בערשטער שטאָדט אין געיעג נאָך פערגניגען.... זיך אוועקלאָזען אין דעם אידישען געהעטאָ. אָדער פּיעלייכט האָבען עס דיא קולות פון טוידט...

דיא לופט געשפּאַלטען... אָדער גלאַט אַזוי געוואלד... אָדער גאָר אַ געווינערין, וואָס האָט באַלד געדאַרפט דיא וועלט באַרייכען מיט נאָך אַ נשמה — און דאָס איז טאַקע געווען דאָס שרעקליכסטע...

אין אַזעלכע פעללע פלעגט רחל זיך פאַר־שטעלען מיט דיא הענט דיא ברענענדיגע אויי־גען און דיא צייט האָט זיך איהר געצויגען אַזוי לאַנג, אַזוי שווער, אונערטרעגליך. זיא האָט גאָר ניט פאַרשטאַנען צוליעב וואָס לעבט זיא? און דאָ נאָך דער טייך, אָ, דער טייך! וואָס וויל ער נאָך האָבען? צוליעב וואָס שטורמט ער, און ברומט און קאָכט? דאָ הויבט ער אויף דיא שיפלאַך, באַלד וואַרפט ער זיי צוריק אַראָב, גלייך וויא אַ שטאַרקע ליידענשאַפט וואָלט גע־ברויזט אין זיין האַרצען. אויסגעריסענע בויי־מער מיט דיא וואָרצלען און מיט זייערע רויטע אָדערן האָבען אַרויסגעקוקט פון אונטער'ן וואַ־סער־שטראָם.

און דער טייך אַליין, ער האָט אַרויסגע־קוקט פון זיין טיעפען געהיימען אבגרונד מיט זיינע ווייסע שוים'ענדיגע אויגען, גלייך וויא ער וואָלט עפּעס געזוכט, געמורמעלט, געפּלאַ־פּעלט, גערעדט, נור וואָס? צו האָט ער פון אימיצען אָבגעשפּאָט אָדער צאָרנדיג געוואַרענט?

רוישענדיג האָט ער זיך געטראָגען פאַרביי אַלץ ווייטער און ווייטער... וויא אַ ווילדע חיה מיט צופּאַדעלטע האָר, קרעכצענדיג, האָט ער זיך געדראַפּעט צווישען דיא שטיינער אונטערן בריק און האָט אַלץ ערגעץ געקוקט, געקוקט און געקוקט!... און רחל'ן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אין גיכען וועט פון אַלעם נעהמען אַ סוף, אַז באַלד וועט דער טייך אַלעם פאַרטרינקען: דיא הייזער וועט ער אַראָבטראָגען, דיא שווערע זאַכען אין זומפּ באַגראָבען און אַלע גרינגערע צוברעקלען, צומאָלען און אין שוים פאַרוואַנד־לען. און דאַן וועט זיין אַזוי גוט...

* * *

פלוצלונג האָט פון'ם טייך זיך אָנגעהויבען דערטראָגען אַ שניידענדער געשריי, אַזוי ווי דאָס פּייפען פון אַ ווילדען פויגעל און הינטען מיט'ן שטראָם האָט זיך געטראָגען אַ שוואַרץ שי־פעל אויף דעם בלייערנעם שוים. אין איהר איז געשטאַנען אַ מאַן. און נאָך דיא צייכענס, וואָס ער האָט געמאַכט, האָט רחל פערשטאַנען, אַז זיא דאַרף אָבטרעטען פון דעם אָרט, וואו ער האָט זיך געקליבען אַראָבשפּרינגען אויפ'ן ברעג, פונקט דאָ, וואו זיא איז געזעסען. זיא האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט אפילו צוגעהן נעהענטער צום טויער, איז ער שוין געווען ביים ברעג פון טייך. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק איינ־

געשפּאַרט אויף דער וועסלע, אַ שפּרונג צו טהון, אַז זיא איז אויף צווייען צובראָכען געוואָרען און ער איז שנעל וויא אַ פויגעל אריבערגעפלויגען אויף'ן ברעג נאָך העכער פון דעם אָרט וואו זיא איז פריהער געזעסען. רחל האָט ניט געוואוסט ווער ער איז. זיא האָט נאָך אפילו ניט געגוני באַקוקט זיין געזיכט. דאָך איז זיא אביסעל נעהענטער צוגעגאַנגען צו איהם און, אָנגעוויזענדיג אויפ'ן שיפעל וועלכעס האָט זיך וויא פאַרלעגען געדרעהט אין דער אויפגעטרייסעלטער וואַסער, אויסגעשריען:

„בינד דאָס צו, אַז ניט וועט דאָס אוועקגעטראָגען ווערען פון'ם וואַסער!"

אנשטאָט איהר צו ענטפערן, האָט ער אַ שטאַרקען קלאַפּ געטהאָן מיט'ן פוס אין אַ זייט פון שיפעל, דיא זייט איז צובראָכען געוואָרען און דאָס שיפעל אליין האָט פאַרטראָגען מיט וואַסער. פון אָנפאַנג האָט דאָס וואַסער געטראָגען נאָך אויף זיך דאָס שיפעל, נאָכדעם אַז דאָס שיפעל איז צוגעשוואוּמען צו דיא שטיינער אונטערן בריק און זיך אַ שטאַרקען קלאַפּ געטהאָן, איז עס פּלוצים פאַרשוואונדען אונטער'ן וואַסער. בלויז עטליכע שפּענדלאַך האָבען עלענד ארומגעבלאָנדזשעט פון אויבען.

שטאַרק פאַרוואונדערט האָט רחל באַטראַכט דעם בעל־הבית פון שיפעל וועלכער האָט ערשט איצט אויסגעגלייכט זיין אויסגעבויגענעם רוקען, וויא נאָך אַ שווערע לאַסט, וואָס האָט איהם געדריקט. ער איז געוועזן בלייך, זיין גאַנצער פּנים האָט געגלאַנצט פון טראָפּענס וואַסער, אָדער שוויים און דיא אויגען האָבען געקוקט וויא ווילד.

— „ביסט דוא פון אונזערע"? האָט ביי איהם רחל אַ פרעג געטהאָן.

„ניין!" האָט ער געענטפערט, אפילו ניט אַ קוק געבענדיג ווער זיא איז.

— „אָבער דוא טראָגסט דאָך אידישע קליידער"... האָט זיא ארויסגעשטאַמעלט אין פאַרלעגענהייט, ניט קענענדיג ביי זיך פּועל'ן צו דערמאָנען אָן דער געלער לאַטע וואָס איז געווען אויף זיין פּלייצע. „דוא בעהאַלסט זיך? מען יאָגט דיך נאָך?" האָט זיא ווידער געפרעגט.

ער האָט זיא אָבגעמאָסטען מיט אַ שאַרפען בליק, און צאָרנדיג האָט געקלונגען זיין שטימע, בעת ער האָט איהר געענטפערט: „דוא רעדסט וויא אַ'ן אידענע, איך בעהאַלט זיך פון קיינעם ניט, איך בין אַ איד און קום אהער פון די בערג, פון דאָרט וואו עס שטורמט!"

רחל האָט איהם פאַרשטאַנען.

— „הייסט דאָס, דו ביסט איינער פון יענע חברה וואָס קלאָגען נאָך אלץ אויף ציון?" בעת זיא האָט ארויסגערעדט דיא לעצטע ווערטער, האָט זיא אַ ציטער געטהאָן. זיא האָט זיך דערמאָהנט אָן אלע גרוזאַמקייטען, מיט וועלכע דיא מענשען פּייניגען זיך צוליעב משונה'דיגע איינבילדונגען. — „האָסטו תמיד געוואָהנט דאָרט, אויבען צווישען דיא פעלזען און אימער געפאַסט און גאָט געבעטען? וויא עס שיינט ביסטו דאָ ביי אונז דעם ערשטען מאָל אין דיין לעבען?"

ער האָט אָבגעווישט דעם שוויים פון פּנים און קאָפּ, און וויא עס ווייזט אויס, האָט ער אפילו ניט געהערט וואָס זיא האָט צו איהם גערעדט. — „אצינד געהער איך מעהר ניט צו זיי, — האָט ער וויא פאַר זיך ארויסגערעדט.— איצט איז אַ סוף צום וויינען, אצינד איז אַ צייט פון טהון, ניט פון דולדען און שווייגען!...."

ער האָט זיך שטאָלץ אויסגעגלייכט, אקוראַט וויא ער וואָלט אויספּראָבּירען דיא מאַכט פון זיינע גליעדער, און געדראַכט האָט זיך אַז אַ שטילער פייער פלאַקערט טיעף בעהאַלטען אין זיינע אויגען און אַז מיט אַלע מעגליכקייטען האַלט ער זיך אָב פון אויסצושאַלען מיט גרויס פרייד.

דערשראָקען איז געוואָרען רחל פאַר זיין אויסזעהען און האָט ניט פאַרשטאַנען זיינע רייד —און דאָס שיפעל? האָט זיא פאַרלאָרען געפרעגט — צו וואָס....

ער האָט זיך אויסגעדרעהט מיט'ן פּנים צום וואַסער און האָט אַזוי האַסטיג אָנגעהויבען מאַכען אַהין מיט דיא הענט, אַז מען האָט געקענט מיינען ער וויל זיי אַהין פאַרוואַרפען. — „דערפאַר, וואָס נור אהער האָט דאָס שיפעל מיך געדאַרפט ברענגען — אָבער ניט פיהרען צוריק! פאַר מיר שטעהט אצינד אַ נייער וועג, און הינטער מיר איז אַ וואַנט..." ער האָט זיא שטאַרק אָנגעכאַפּט פאַר דיא הענט און אויפגעהויבען פון שוועל.

— „קום", האָט ער צו איהר געזאָגט. — „ווער ביסטו? איז ווייט פון דאַנען צו דיר אהיים? פיהר מיך אָב צום רב!"

— „איך בין יוחנן דעם רב'ס טאָכטער. מיין נאָמען איז רחל. צו אונז אהיים איז פון דאַנען גאָר ניט ווייט. אָט איז דיא שטוב."

זיא האָט ארויסגעריסען איהרע הענט פון זיינע, אראָבגעלאָזען דיא אויגען צו דער ערד און מיעד אָנגעהויבען בעוועגען איהרע אקסלען, וויא זיא וואָלט וועלען דערמיט זאָגען, אַז דאָ, ביי זיי איז ענג, קליינלאַך, ניטאָ קיין לעבען...

אָבער ער האָט איהרע באַוועגונגען ניט געזעהען. ער האָט פאַרטראַכט אראָבגעלאָזען דעם

קאָפּ, פּעסט צוזאַמענגעדריקט דיא ליפּען און האָט גיך אָנגעהויבען שפּרייזען פאַראויס. רחל איז איהם נאָכגעגאַנגען. לעבען טהיר האָט זיא אַלס צייכען אָנגעריהרט זיינע קליידער און ער איז שווייגענדיג איהר נאָכגעגאַנגען אין הויז.

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגען דעם רב און מיט אַ שאַרפען, פראַגענדען בליק איהם דורכגעדרונגען. דער רב איז געווען אַ צו־נויפגעדרעהטער אַלטינקער, מיט צושראָקענע, נור דורכזיכטיגע אויגען, וועלכע פלעגען זיך צייטענווייז פאַרקוקען אין איין פונקט אויף זעהר אַ לאַנגער צייט, פון וואָס זיין ראיה איז אָב־געשוואַכט געוואָרען. אַ מויל האָט ער געהאַט אַ קליינס און איבער זיין גאַנצען געזיכט האָט געשוועבט אַ גוטמוטהיגקייט. אָבער באַלד האָט דער גאַסט אַראָבגענומען זיין שניידענדען בליק פון רב, אַזוי וויא ער האָט איהם שוין פער־שטאַנען דורך־און דורך.

— מען רופט מיך מנחם — האָט ער גע־זאָגט. — און געקומען בין איך אַהער פון דיא בערג, פון דיא גרויסע פעלזען. איך וויל דאָ פאַרבלייבען אַ שטיקעל צייט. ניט קיין גאַסט וויל איך ביי דיר זיין. איך וויל נור צוזאַמען מיט דיר געהן אין בית־המדרש באַטראַכטען, זיך דערוויסען וואָס דאָ ביי אייך טהוט זיך, און וויא עס לעבט זיך.

רחל׳ען האָט זי דאויסגעדראַכט, אַז זיינע ווערטער „איך וויל ביי דיר קיין גאַסט ניט זיין“ זיינען פולל מיט סם און פעראַכטונג און פאַר־קלעמט האָט איהר שטאַרק דאָס האַרץ און זיא איז פון כעס אַוועקגעגאַנגען פון שטוב ניט גע־זעגענדיג זיך מיט קיינעם.

נור ווען זיא האָט געהענדיג דערהערט זיי־נע טריט, האָט זיא זיך פער׳גנב׳עט הינטער זיינע פּלייצעס און איז איהם נאָכגעגאַנגען אין בית־המדרש. זיא האָט געוואָלט נאָך אַמאָל זעהען איהם אין פּנים, און וויסען מיט ווען ער וועט אַרויסגעהען פון דאָרט.

* * *

אין דער ניעדריגער, קליינינקער ווייבער־שער שול, איז געווען כמעט לעער און זעהר קאַלט. מענער זיינען געווען אַביסעל מעהר. דיא שיין פון דיא קליינינקע לעמפּעלאַך האָט אַרים בעלויכטען די מענשען מיט זייערע דאַרע, געלע פּנים׳ער. און זייערע שאַטענס וואָס זיי־נען געפאַלען אויף דיא שטיינערנע ווענט, האָ־בען איינס אויף דאָס אַנדערע געקלעטערט און פלעגען באַלד פאַרשווינדען.

שטאַרק איינגעבויגען איז ער געשטאַנען ביי דער טהיר פון ארון קודש, אין וועלכען עס געפינען זיך דיא ספרי תורות און האָט לאַנג און שטיל מתפלל געווען. אַז ער האָט געענדיגט דיא תפלות איז איידער ער האָט זיך אויפגע־הויבען, האָט ער מיט אַ שאַרפען און טיעפען בליק אַרומגעפיהרט איבער אַלע דאַוונער, גלייך וויא ער וואָלט עפּעס, אָדער אימיצען געזוכט.

דאָ האָבען כמעט אַלע מענער געהאַט איי־נעם און דעמזעלבען אויסזעהען. איין שווערע, אייזערנע האַנד האָט זיי אַלעמען געדריקט. קיין איינער איז דאָ ניט געווען אַזוי מוטהיג וויא ער. אַלע האָבען זיי געהאַלטען אַראָבגעלאָזען דיא קעפּ. אַלע זיינען זיי געווען פאַר׳חושך׳ט און אַזוי וויא שאַטענס האָבען זיי זיך באַוועגט. צווישען זיי אַלעמען איז איינער נור געשטאַ־נען גלייך, מוטהיג, דאָס איז געווען דער בלינ־דער יהושוע, נור מעגליך אַז ער וואָלט זיך אפילו קיין מאָל ניט גענייגט און געביגט פאַר׳ן קיסר, דערפאַר וואָס ער האָט גאָרניט געזעהען. זיין פּנים האָט עפּעס מאָדנע אויסגעזעהען, פאַר אַלעמען איז ער געווען אַ רעטעניש. אַ קוק טהוענדיג אויף זיינע אויגען האָט מען בשום אופן ניט געקענט אונטערשיידען צו לאַכט ער, אָדער ער וויינט. רחל האָט גלייך באַמערקט אַז מנחם שיינקט צופיעל אויפמערקזאַמקייט דעם בלינדען, ווייל ווען ער האָט אויף איהם געקוקט פלעגט זיין פּנים ווערען ערנסטער און שטאָלצער. דיא גאַנצע צייט פון דאַוונען איז מנחם געשטאַנען שטילערהייט. נור באַלד וויא מען האָט געענדיגט מעריב איז ער צוגעגאַנגען צום בלינדען און איז מיט איהם אַוועק. רחל׳ן האָט שטאַרק פאַרדראָסען, וואָס ער האָט גראַדע אויסגעקליבען אַוועקצוגעהען מיט איהם, מיט יהושוע׳ן, ווייל דער בלינדער איז געווען זעהר אַ שלעכטער און נאָר גערעדט מיט סם, אַבי פער־גיפטען דעם צווייטען.

און ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבען מנחם׳ס רייד געקלונגען אין רחל׳ס אויערן. דיא גאַנצע צייט האָט פאַר איהרע אויגען געשוועבט נור אַ גרויער, געדיכטער נעבעל. זיא האָט גע־הערט דאָס ברומען פון וואַסער, וועלכער האָט מיט זיך אַלעס אַראָבגעשווינקט. פאַר איהרע אויגען איז געשטאַנען דאָס שיפעל... און זיא האָט אויך געזעהען, וויא עס ווערט צושמע־טערט אָן דיא שטיינער וואָס אונטערן בריק.

* * *

נאָך דעם, זיינען דורכגעגאַנגען פיעל טעג און רחל האָט מנחם׳ען ניט געזעהען. אָבער גע־פיהלט האָט זיא אימער אַז ער איז דאָ ביי זיי. און עס איז אונמעגליך געווען ניט צו פיהלען, ווען דיא גאַנצע לופט איז געווען איבערפיללט מיט איהם. וויא איין העלישער פייער אַזוי האָט איבעראַל זיך געפיהלט דיא גליהט פון

זיין אטהעם. אומעטום האט זיך געפיהלט עפּעס אן אונרוה. אין אלעמענס רייד האט זיך גע־פיהלט דיא פריידע. אלעמענס געזיכטער האבען אונגעוועהנליך געציטערט. אפילו זייערע חפצים, וועלכע האבען זיך אויף דיא פארקענס געטרו־קענט, האבען אויך שטארקער געפלאטערט. אין דער גאנצער לופט האבען זיך דיא אלע שאטענס איינגענומען, געשפּיעלט, און גאר גאר טיעף אין הימעל, קוים וואס מען האט געקענט זעהען, זיינען געפלויגען באוואקסענע פויגעלאך און האבען שטיפעריש געווארפען מיט דיא פליגע־לאך.

רחל׳ס הענט האבען געציטערט, זיא איז געווען איבערפיללט פון פארשיעדענע געפיהלען. זיא האט געוואלט אויסשרייען פון ענטציקונג, נור זיא האט ניט געקענט; דעם לשון האט דאס ביי איהר וויא אבגענומען און זיא איז שטיל געבליעבען און האט זיך נור צו אלעם צוגעהערט און צוגעקוקט וואס עס קומט פאר.

אלע אידישע גאסען זיינען געווען איבער־פיללט מיט נייעס. עס איז פארגעקומען אזעל־כעס, וואס נאך קיין מאל ביז אהער איז דאס ניט געווען. מען איז אצינד ניט דורכגעלאפען, געשוויגד איינס פארביי דעם צווייטען, איילענ־דיג זיך וועגען זייערע וואכעדיגע עסקים וויא תמיד. נור יעדער האט אבגעשטעלט, דעם אנ־דערן, געקוקט איהם אין פנים אריין און האט דארט עפּעס געזוכט.

מענער אז זיי פלעגען זיך אבשטעלען פלע־גען גיך און שטיל זיך איבערוווארפען מיט גע־צעהלטע ווערטער. עס איז ניט וועניג געווען אויך אזעלכע וואס פלעגען פארפיהרען לענגערע געשפרעכען, און צו דיא פלעגען זיך נאך אנשלי־סען און עס פלעגען גיך באשאפען ווערען גאנצע רעדלאך אידען. און אלע שמאלערע גאסען זיי־נען געווען פארצאמט מיט רעדלאך, אז עס איז קיין דורכגאנג ניט געווען און עס האט זיך גע־דאכט אז באלד וועלען דיא גרויע, פוילע שטיב־לאך זיך צולייגען און לאזען נאך פלאץ פאר דיא רעדנער. זיי פלעגען אזוי בעגייסטערט ווערען, רעדענדיג, אז זיי פלעגען פארגעסען אן זייערע קראמען מיט זייער סחורה און אפילו אן זיך אליין אויך.

פון דעם אלעם וואס עס האט זיך געקאכט און גערעדט אין דיא גאסען, האט רחל ערפאה־רען, אז דיא אידען האבען זיך אויף עפּעס שטארק געוואונדערט, זיינען געווען שטארק פארצווייפעלט און אין דערזעל־בער צייט האבען זיי זיך אויך מיט עפּעס גע־פרעהט...

ביי איהר פאטער אין שטוב איז אויך געווען כמעט דאס זעלבע, אבער מיט א שטריינ־גערען אינהאלט. דארט האט מען טיעף און ערנסט נאכגעדענקט און גערעדט א סך שארפע רייד...

אומעדום האט זיך געהערט דער נאמען מנחם.

אלע זייערע אלטע זיסע האפנונגען אין טרוימערייען פון א בעסערען און פרייערען לע־בען האט וויא א רוישענדער שטורם מנחם אצינד אריינגעטראגען אין זייערע הערצער און עס האט דארט געקאכט, און געברויזט און גע־זאדען... און אויפגעפלאקערט אין א פלאם פון מרויסט.

נאך איין נאמען האט זיך אצינד געגליצט אויף אלעמענס ליפען. דאס איז דער נאמען — משיח...

(פארטזעצונג פאלגט).

אויב דו פיהלסט, דו ביזט א נביא,
און דו פיהלסט — דיין ווארט איז שארף,
ווארף דאס וויב און לאז דיא קינדער,
טאטע ־ מאמען ווארף!
מיט זיך נעהם נאר פלאם און פייער,
און אין הארץ דיין גרויסען גאט:
געה ארוים און זאג נביאות
איבער דארף און שטאדט.

און דו טארסט פאר זיך ניט בויען
קיין בעזונדערען געצעלט:
ביזט א נביא, ביזט א פאטער
פאר דער גאנצער וועלט.
און דו דארפסט דיא מענשען פיהרען
וויא אמאל דער פייער ־ זייל,
און אליין מוזטו דער ערשטער
געהן אין ערשטען צייל!

משה טייטש.

היאוואטהא

פון הענרי וואדסוואָרטה לאָנגפעלאָ.

(איבערזעצט פון ענגליש) פון יהואש.

4.

היאוואטהא און מאדזשיקיוויס.

פון א אינגעל אין א מאנן איז
אויסגעוואכסען היאוואטהא,
איז געווען געניט אין יאגד־קונסט,
אין די תורות פון די אלטע,
אין די שפילען פון די יונגע,
אין די אומנות פון די מעננער.

פלינק געווען איז היאוואטהא,
פלעגט א פייל פון בויגען שיעסען
דאנן זיא שנעלל אריבערלויפען,
ביז זי הינטער איהם פלעגט פאללען.
שטארק געוועזען איז זיין ארעם,
האָט געקענט צעהן פיילען שיססען,
אזוי מעכטיג, אז די לעצטע,
האָט דעם בויגען־שטריק פארלאָזען,
איידער ס'פלעגט די ערסטע פאללען.

ער געהאט האָט הירשפעלל־הענדשקעס,
מינגדזשיקאהוואן, בשוף־הענדשקעס,
פלעגט ער אָנטאָהן אויף די הענד זיי,
פלעגט ער קענען פעלזען שפאלטען,
און צוריבען זיי אויף פולווער.
ער געהאט האט שיך פארצויבערט,
שיך פארצויבערטע פון הירשפעלל,
פלעגט ער אויף די פיסס זיי אנטהון,
בינדען זיי ארום די קנעכלעך,
פלעגט זיין יעדער שפריוז א מייל זיין.

אויף זיין פאטער מאָדזשיקיוויס,
האָט ער אויסגעפרעגט נאָקאָמיס,
ביז ער איז דעם סוד דערגאנגען
פון די שעהנקייט פון זיין מוטטער,
פון די פאלשקייט פון זיין פאָטער,
און זיין הערץ אין איהם געגליהט האט,
ווי א הייססער קויל געגליהט האט.

און געזאָגט האָט ער נאָקאָמיס:
„איך וועלל געהן צו מאדזשיקיוויס,
וועלל געהן זעהן וואָס מאכט מיין פאָטער,
ביי דער טהיר פון מעריב־ווינטען,
ביי די טהויערען פון אבענד.

און ארויס פון וויגוואם איז ער,
רייזעפארטיג, יאגד־בעוואפענט,
ס'העמד און פוסס'קליידער פון הירשפעלל
רייך מיט וואמפום דורכגעארבייט,
אויפ'ן קאָפּ די אדלער פעדערן,
ארום לייב דעם וואמפום־גארטעל,
אין דער האנד א יאסינאָווען,
פיילענבויגען, וואָס פארצויגען
איז געווען מיט רענטהיער־אָדערן.
אין זיין בייטעל דעמבע פיילען,
צוגעשפיצט מיט יאספיס־שטיינדלעך,
און מיט פעדערען באפליגעלט.
אויף די הענד די צויבער־הענדשקעס,
אויף דיא פיסס די שיך פון כשוף.

איהם געווארענט האט נאָקאָמיס:
„געה ניט דאָרטען, היאוואטהא
אין דעם מעריב־ווינד'ס מדינה,
אין דאס לאנד פון מאָדזשיקיוויס,
ס'וועט זיין בשוף דיר נאך שלעכטס טהון,
דיך מיט כיטראָסט וועט ער טויטען.

ניט דערשראָקען היאוואטהא
האט זיך פון דער אלטע'ס ווערטער,
האט אוועק געשפריזט צום וואלד־צו,
יעדער שפריוז, א מייל א גאנצער.
געלל און פייערדיג געדאכט זיך,
האט די ערד איהם און דער הימעל,
הייסס און שטיקעדיג דער אויר,
אָנגעפיללט מיט רויך און פארע,
ווי פון ברעננענדיגע וועלדער,
דענן זיין הערץ אין איהם געגליהט האט,
ווי א הייססער קויל געגליהט האט.

מעריב־צו געוואנדערט האט ער,
איבעריאָגענדיג אין שנעללקייט,
רענטהיערען און בופפעל אָקסען,
איבער'ן שטראָם פון עסקאָנאבא,
איבערן שטארקען מיססיסיפי,
איבער אללע בערג פון פריירי,
דורך דאס לאנד פון פיקס און קראָהען,
דורך די דערפער פון די בלאקפיט,
סאמע ביז די הויכע פעלזבערג,
וואו דער אלטער מאָדזשיקיוויס,
פון די שטורעמדיגע שפיצען,
האט רעגירט די הימעל־ווינטען.

פולל מיט אימה, היאוואטהא,
האט דערזעהן זיין פאָטערס פנים,
רונד ארום אין לופט געפלאטטערט,
האָבען זיינע וואָלקענלאָקקען,
האבען ווי דער שניי געשיממערט,
ווי דער אישקודא, דער שטערען
מיט די פייערדיגע לאָקקען.

פולל מיט שמחה, מאָדזשיקיוויס,
האט געקוקט אויף היאוואטהא'ן,
האט דערזעהן זיין אלטע יוגענד,
אין דעם פנים היאוואטהא'ס,
האט געזעהן וויענאָנאס שיינקייט,
ווידער אויפשטעהן פונ'עם קבר.

„זיי געגריסט — געזאָגט איהם האט ער—
אין דעם מעריב־ווינד'ס מדינה,
לאנג געגאהרט צו זעהן דיך האב איך,
שיין און פייערדיג איז יוגענד,
איינזאם פראָסטיג איז די זקנה.
ברענגסט צוריק די טעג פון עבר,
ברענגסט צוריק מיין ווילדע יוגענד,
און די רייצענדע ווענאָנא.

טעג געשמועסט האבען בײדע
אויסגעפרעגט, געהאָרכט, געענטפערט,
פיעל געפּראהלט האט מאָדזשיקיוויס,
פון די אלטע גבורות זיינע,
פון כּבנות דורכגעמאכטע,
פון זיין מוטה וואס ווייסס קיין צוואנג ניט,
פון זיין וואונד—באשיצטען־קערפּער.

און געדולדיג הייאוואטהא,
איז געזעססען, צוגעהערט זיך,
שמייכלענדיג, צום פאטערס פּראהלען.
ניט געסטראשעט מיט א וואָרט איהם,
ניט פארמסר'ט מיט א וואונק זיך
דאָך זיין הערץ אין איהם געגליהט האט,
ווי א הייסער קויל געגליהט האט.

„מאָדזשיקיוויס — האָט געפרעגט ער —
איז ניטאָ א זאך וואס שאדט דיר,
וואס דו זאָללסט פאר איהם זיך שרעקען ? —
פריינדליך — גדלות'דיג געענטפערט,
האט דער שטארקער מאָדזשיקיוויס :
קיין זאך קען מיר ניט טהון שאדען,
קיין זאך חוץ דער שווארצער פעלז דאָרט
הויך דער אונגליק־פוללער וואביק.

און מיט צערטליך־קלוגע בליקקען,
מיט א פאטערליכער ליבשאפט,
האט באקוקט ער, הייאוואטהא'ן,
האט מיט שטאָלץ באטראכט די שיינקייט,
פון זיין הויכען וואוכס דעם שלאנקען,
און געזאָגט : אָ, הייאוואטהא
גיט א זאך וואס דיר זאָלל שאדען,
און פאר וועלכער דו האָסט מורא ? —

דאָך דער כיטרער הייאוואטהא,
האט א ווײלע ווי אין ספק,
איבערלעגט זיך, דאנן געענטפערט :
קיין זאך קענן ניט טהון קיין שלעכטס מיר !
חוץ דער וואססער־ראָהר וואָס וואכסט דאָרט,
קיין זאך, אויסער דער אפּוקווא.

אויפגעשטעללט זיך מאָדזשיקיוויס,
האט דעם וואססער ראָהר צו רייססען,
דאָך מיט כלומר'שטיגע מורא
האט געשריען הייאוואטהא :
„קאגאָ ! קאגאָ ! ריהר ניט אָן איהם." —
„גוט" — איך וועלל איהם ניט באריהרען
האט געענטפערט מאָדזשיקיוויס.

דאנן פארשמועסט פון דעם ניי זיך,
האָבען זיי פון אנדרע זאכען,
ערסט פון הייאוואטהאס ברידער,
פון דעם מזרח־ווינד פון וואבון,
שאוואָנדאזי־ווינד פון דרום
צפון־ווינד קאביבאָנאָקקאָ,
דאנן פון הייאוואטהאס מוטטער,
פון די רייצענדע ווענאָנא,
פון איהר טויט, ווי ס'פלעגט נאָקאָמיס,
איהם די אלטעטשקע דערצעהלען.

פלוצלינג האָט ער אויסגעשריען,
„מאָדזשיקיוויס דו ביסט יענער
וואָס גע'הרג'עט האט ווענאנא'ן,
איהר געראויבט איהר חן, איהר לעבען,
אָבגעפּליקט די בלומם פון פריירי,
און צוטראמפעלט מיט די פיס זיא".
זיי זיך מודה ! זאָג דעם אמת,
טרייסלענדיג אין ווינד די לאָקען,
וויגענדיג דעם קאָפּ דעם גראָען,
האט דער שטארקער מאָדזשיקיוויס,
צוגעשטוממט מיט שטוממען קוממער.

מאוים'דיג אין בליק און תנועות
זיך געשטעללט האט הייאוואטהא,
אָנגעחאפּט דעם פעלז דעם שווארצען,
יענעם אונגליק־פוללען וואביק,
און מיט זיינע כשוף־הענדשקעס,
אָבגעבראָכט די שטיינער־שפּיצען,
דאנן צובראָכען זיי אין שטיקקער,
און מיט ווילדען כעס געוואָרפען,
אויפען פאָטער, מאָדזשיקיוויס.
דענן זיין הערץ אין איהם געגליהט האט,
ווי א הייססער קויל געגליהט האט.

דאָךפון מעריב־ווינד דער הערשער,
האט די גרויססע פעלזענשטיקקער,
מיט זיין הויך צוריק געבלאָזען,
מיט דעם שטורעם פון זיין צאָרען,
אויף זיין פיינד צוריק געבלאָזען,
דאנן דעם וואססער־ראָהר גענוממען,
דעם אפּוקווא און מיט אללע
זיינע וואָרצלען אויסגעריססען,
פון דעם זומפּ, ביים ברעג פון לאָנקע,
אויסגעפליקט דעם ראָהר דעם גרויססען, —
זיך צולאכט האט הייאוואטהא.

דאנן געקעמפּפט אויף טויט און לעבען,
האָבען אין די בערג זיי ביידע,
ווילד געשריען פון זיין נעסט האט,
דער קיניו מלחמה אדלער,
פון זיין הויכער פעלזען־וואָהנונג,
איבער זיי געקלאפּט די פליגלען,
ווי א הויכער בוים אין ווינד האט,
זיך דער וואסער־ראהר געוואָרפען,
און אין ריעזען־שווערע שטיקקער,
איז דער וואביק פעלז געפאללען,
ביז די ערד געטרייסעלט האט זיך,
מיט דעם טוממעל פון מלחמה,
ביז דער אויר האָט געפּילדערט
און דער דוננער אין דיא בערג האט,
נאָכגע'חזרט: בא־אום וואווא ! —

מעריב־צו איז מאָדזשיקיוויס,
פון די בערג שנעלל אָבגעטרעטען,
פון די בערג אראָבגעשטרויכעלט,
דריי מעת־לעת צוריקגעטרעטען,
קעמפּפענדיג מיט הייאוואטהא'ן,
ביז די טהירען פון דעם מעריב,
ביז די טהויערען פון אבענד,
דאָרטען וואו די ערד זיך ענדיגט,
און די זונן אין פוסטען אויר,
זינקט אזוי ווי דער פלאמינגא,
זינקט פאר נאכט אין נעסט ארונטער,
אין די אומעדיגע זומפּען.

„האלט" — האט ענדליך אויסגעשריי
מאָדזשיקיוויס — האלט, מיין זוהן, אָב,
קיינער קענן מיך ניט ערמאָרדען,
און דו קענסט א גאָטט ניט טויטען,

כ'האב נאָר אויסגעפּרופּט דיין גבורה,
כ'האב געוואָללט דיין מוטה פּרובירען;
איצטער, נעהם דעם לויהן פון גבור.

צו דיין פאָלק א היים קעהר אום זיך,
לעב דאָרט, צווישען זיי און ארבייט
רייניג אָב די ערד פון פּגעים
רייניג אויס פון שמוץ די טייכען,
טויט די ריעזען, די וועגדיגאָס,
ווילקאָלאַקעס און מכשפים
און די עקדעשען, קאנאביק,
גלייך ווי איך האָב מישע־מאָקווא,
האב דעם בארג־בער צוגע'הרג'עט.

ווענן צו דיר דער טויט זיך נעהענטערט,
ווענן די סטראשנע בליקקען פּאַגאָק'ס,
גלאָצען אָן דיך אין דער פינסטער,
ווילען מיר די הערשאפט טהיילען,
די וועסט דאנן דער מלך ווערען,
פון די צפון־מעריב ווינטען,
פון דעם היימישען קיוויידין.

אָט אזוי איז צוגעגאנגען,
די מלחמה די באריהמטע,
אין די מורא־טעג פון שאשא,
און א צייט שוין לאנג פארגאנגען.
דאָך די שפּורען זעהט נאָך איצטער,
איבער בארג און טהאָל דער יעגער,
זעהט דעם וואססער ראָהר דעם גרויססען,
ביי די טייכען און די פלוססען,
זעהט די שטיקקער פונעם וואביק,
וואלגערען אין יעדען טהאָל זיך.

אומגעקעהרט זיך הייאוואטהא
האט א היים, ארום געלעגען
איז מחיה'דיג די לאנדשאפט,
אויבען האט געקוויקט דער אויר,
דענן די ביסטערקייט פון צאָרען
איז פארשוואונדען פון זיין הערצען;
פון זיין מח די נקמה,
פון זיין ברוסט דער הייססער פיעבער.

אויף איין פלאטין נאָר האט גערוהט ער,
אויף איין פלאטין נאָר אָבגעשטעללט זיך,
אום צו קויפען פיילען־שפּיצען,
פון דעם אלטען בויגענמאכער,
אין דעם לאנד פון די דאָקאָטיס,
וואו דער שטראָם פון מינעהאהא.

גלאנצט און גלימצערט דורך די דעמבעס,
לאכט און שפּרינגט אין טהאָל ארונטער.

דאָרט דער אלטער בויגענמאכער,
האט געמאכט פון זאמדשטיין שפּיצען,
האט געמאכט פון מילכשטיין שפּיצען
און פון קיזעלשטיין און יאספּוס
גלאטט מיט פיין פארשארפטע עקקען,
הארט און פעסט און רייך געשליפפען.

ס'האט דער גרייז געהאט א טאָכטער
ווער'מענס שווארצע אויגען זיינען
ווי דער ווילדער מינעהאהא,
פול געוועזען מיט ליכט און שאטטען,
באלד געשמייכעלט באלד געצאָרענט,
באלד צו לאכט זיך, באלד פארחמארעט,
שנעלל איהר פוסס פלעגט ווי דער שטראָם זיין,
איהרע האָאָר ווי זיינע וועללען,
זיסס ווי זייער־קול איהר לאכען,
נאָכען שטראָם א נאָמען האט ער
איהר געגעבען, מינעהאהא,
לוסטיג לאכענדיגע וואססער.

האט צוליעב די פיילענשפּיצען,
האט צוליעב די מילכענשטיין־שפּיצען,
קיזעלשטיין און יאספּיס־שפּיצען,
זיך פארהאלטען הייאוואטהא,
אין דעם לאנד פון די דאָקאָטאס ? —

אָדער נאָר צו זעהן דאס מיידעל,
זעהן דאס פּנים וואס בגנבה,
איהם באקוקט פון־הינטערן פאָרהאנג,
הערען פון די קליידער איהרע,
דעם גערויש פון־הינטערן פאָרהאנג,
ווי מע זעהט דעם מינעהאהא,
ליכטיג בליסטשען דורך די צווייגען,
ווי מע הערט זיין וואססער רוישען,
דורך דעם צודעק פון די צווייגען ? —

ווער קענן וויססען די מחשבות,
אין די הייססע יוגענד מוחות?
וועלכע שיינע טרוימען האָבען
הייאוואטהאס ברוסט ערפיללט דאנן ? —
קוממענדיג א היים אין אבענד,
האט ער בלויז דערציילט נאקאָמיס,
זיין באגעגנעכס מיטען פאטער,
און זיין קאמפּף מיט מאָדזשיקיוויס
ניט א וואָרט מכח פיילען,
ניט א וואָרט פון מינעהאהא.

א מאַן אָהן אַ דזשאָב.

(אַ טאָגע־בוך פון א'ן ארבייטסלאָזען).

פון ז. ליבין.

עס איז מיר איינגעפאלען א געדאנק צו פערשרייבען דעם דאטום, ווען איך האָב מיין דזשאָב פערלאָרען. וויא עס קוקט אויס, וועט עס זיין א גאנץ וויכטיגע פאסירונג אין מיין לעבען.

איך האלט פערשריעבען דיא דאטומ'ס, ווען איך האָב געהייראטה מיט מיין פרוי, ווען עס איז ביי אונז געשטאָרבען דאָס ערשטע קינד, א. ז. וו.... און איך רעכען עס איז גאָר ניט איבע־ריג צו פערצייכענען דעם שווארצען דאטום, ווען איך האָב פערלאָרען מיין ארבייט; ווען איך בין — נאָך דעם, ווי איך בין אָפּגעוועזען שוין ביי צעהען יאָהר אין ניויאָרק. — פּלוצלונג גע־בליעבען אָהן אירגענד וועלכע עס איז מיטעל, צום לעבען דעם טאָג, ווען איך בין געוואָרען א מאַן אָהן א דזשאַב....

פאסירט האָט עס מיט א וואָך צוריק, און געקומען איז דאָס פּלוצלונג, אונגעריכטערהייט. איך האָב מיין שטעלע אנגעהאלטען קנאפּע פינף יאָהר און פּלוצלונג, אונגעריכטערהייט...

וועל, איך רעכען דיא געשיכטע, וויא אזוי מען האָט מיך געסעקט דארף איך ניט פערשריי־בען: איך וועל עס אזוי אויך ניט פערגעסען מיין גאנצען לעבען. עס וועט זיין גענוג, ווען איך וועל פערצייכנען:

דעם דריטען מאי, זעקס אוהר אבענדס, האָב איך, סעמועל בארנבוים, דער בוך־האלטער, פערלאָרען מיין שטעלע.

איך האָב געקראָגען אויסגעצאָהלט מיינע לעצטע וויידזשעס און בין געוואָרען אויס קאַ־פּעליוש־מאַכער — א מאַן אָהן א דזשאַב.

ווען איך בין ארויס פון אָפפיס, האָט זיך מיר געדרייט אין קאָפּ, אזוי וויא איך וואָלט גע־ווען שיכור. איך האָב געפיהלט אז מיין גאנצער פנים האָט געפלאַממט.. איך האָב גאָרנישט גע־פיהלט, גאָר נישט פערשטאַנען, איך בין געווען ערשטוינט, בעטויבט, אזוי אונערוואַרטעט, אזוי פּלוצלונג איז דאָס געשעהען...

ווען איך האָב פערלאָזען דעם אָפפיס, בין איך געווען אויף אזוי פיעל צוטראָגען, דאָס איך בין אוועק אין א פערקעהרטען וועג. באלד האָב איך זיך געכאַפּט, אז איך געה גאָר ניט אהיים. איך־האָב זיך אומגעקעהרט, און ווען איך בין פערבייגעגאנגען דעם אָפפיס, האָט מיר עפּעס אזוי וויא א ריס געטאָהן אין הארצען און מיר האָט זיך פערוואָלט וויינען....

פינף יאָהר צייט! —

ניין, מעהר וועל איך וועגען דעם ניט שריי־בען. איך קען דאָך אזוי אנשרייבען א גאנצע מגילה. איך פערצייכען נור: דאָס איז געשעהען דעם דריטען מאי 1905, ווען איך בין געבליעבען אָהן א דזשאָב. — מיר איז אצינד ארייגעפא־לען א נייער געדאנק: איך וועל שרייבען א טאַ־געס־בוך, ביז איך וועל געהאָלפען ווערען און וועל קריעגען אן אנדער שטעלע; און ווען מיר וועט ווען עס איז זיין פריי און פרייליך אויף'ן הארצען, וועל איך ארייגקוקען אין דעם טאַגע־בוך פון א מאַן אָהן א דזשאַב.

* * *

מאי, דעם צוואַנציגסטען.

מיר איז היינט זעהר גוט אויפ'ן הארצען, איך פיהל זיך אזוי וויא איינער, וועלכער עס איז ניצול געוואָרען פון א גרויסער סכנה.

איך וועל קריעגען א שטעלע; נויאָרק איז א שטאָדט וואו מען ווערט ניט פערפאלען. עס זיינען דאָ גענוג דזשאָבס, עס איז זעהר מעגליך, אז פאר מיר וועט עס זיין א גרויסע טובה, וואָס מען האָט מיר ענטזאגט פון מיין שטעלע. ווען איך זאָל אפילו אננעהמען דאָס ערגסטע, דאָס שלימסטע, וואָס מיר שטעהט פאָר, וועל איך דאָך פיעל מעהר פערדינען, איידער אויף מיין שטעלע...

איך בין געוועז אָפּגעזונדערט פון דער לע־בעדיגער וועלט. ווי א מלמד בין איך געוועז, און איך האָב געמיינט, אז חוץ מיין קנעלונג איז שוין ניטאָ קיין אנדער פּרנסה אויף דער וועלט..

פרעג, וואָס האָב איך מיך אזוי דערשראָקען? דיא מחשבה, אז באלד וועט ניט זיין אויפ'ן שטיקעל ברויט, האָט שוין גענומען גליווערען מיין הארץ... מען טאָר ניט! מען טאָר ניט זיט־צען אויף איין שטעלע פינף יאָהר און קוועטשען דעם זעלבען, דעם זעלבען „רעוואָלווינג טשער„, מען ווערט א פהיזישער קאליקע, א גייסטליכער קריפּעל. עס נעהמט זיך דאַכטען, אז דער איינ־גער אָפּפיס'ס איז דיא גאנצע גרויסע פרייע וועלט און אז אָט דיא גאנצע וועלט דרעהט זיך נור ארום אייער בייבקעל.

ווי איך האָב זיך דערשראָקען! א קעלט האָט דורכגענומען ביז דיא מארך פון דיא ביי־נער... מלמד וואָס איך בין! וואָס, ווען? דיא גליקען וועלכע איך האָב געהאַט?! געמאַכט א טרוקענעם, אויסגערעכענטען לעבען, און געאַר־בייט ווי אן עזעל... פערלאָרען דעם קאָפּ, פער־לאָרען דיא הארץ, פערלאָרען דעם מוטה, פער־לאָרען דעם לעבענס לוסט... דיא פינגער ציטע־רען שוין פון דעם שטענדיגען שרייבען און פאר דיא אויגען שטעהען ציפערען און פערשטעלען דיא ליכטיגע שיין פון דיא אויגען... וועה איז מיר! יעצט זעה איך ערשט, אז איך בין געוואָ־רען אן אינוואליעד.. גליקליך דארף איך זיך רע־כענען, וואָס איך האָב פערלאָרען דיא שטעלע... נאָך א יאָהר, נאָך א יאָהר און איך וואָלט טאַקע שוין צו גאָרנישט געוועזן פעהיג.. גערעטעט זיך פונקט צו דער צייט!

עס שטעהען מיר פאר א סך שטעלען! איך קען אריין אין ביזנעס, מען שפּארט מיר גאָלד אבי נור ווערען א פּארטנער. איך קען אננעהמען פארשיידענע אגענטורעס, איך האָב היינט ער־האַלטען א פולען בריעף־קאסטען מיט בריעף... מען פערלאנגט מיך זעהען.. מען וויל מיט מיר ריידען. פאר וואָס איך זאָל זיך ניט נעהמען, וועל איך פערדיענען אין צווייען, מעהר, איידער איך האָב פערדיענט אויף מיין פערפלוכטער שטעלע...

און איך האָב זיך אזוי דערשראָקען!

איך בין היינט פערבייגעגאנגען דעם אָפּיס, וואו איך האָב פינף יאָהר געקוועטשט דעם בייב־קעל... און איך האָב געפיהלט א מאָדנעם פער־גניגען... ביז היינט האָב איך מורא געהאַט פערביי צוגעהען אפילו דיא גאַס, וואו דער אָפּיס געפינט זיך... איך פלעג אויסמיידען דעם גאַנצען געגענד, נור היינט בין איך עקסטרא גע־גאַנגען... מיר האָט זיך געוואָלט א שפּיי טהון אויף דעם אָפּיס און מיר האָט זיך טאַקע גע־דאַכט אז מיין האַרץ רייצט זיך מיט דיא שטו־מע ווענד, מיט דעם שטומען פענסטער פון אָפּיס, ווען מיר האָט זיך געוואָלט צולאַכען זיך הויך אויפ'ן קול. אזוי ווי איינער קען לאכען פון זיי־נעם א בלוטיגען שונא, וועלכער איז פריהער גע־ווען געפעהרליך און יעצט איז ער מאַכט־לאָז. איהר שטעהט פּנים־לפּנים מיט אייער פיינד און איהר לאַכט איהם אין דיא אויגען אריין, איהר געפינט זיך מעהר ניט אין זיין רשות... איהר קענט איהם שפּייען אין געזיכט אריין..

און מיר איז געוועזן אזוי גוט אויפ'ן האר־צען און איך האָב געהאַט אזוי פיעל פערגניגען!

* * *

מאי, דעם אכט־און־צוואנציגסטען.

אוים! אוים!... פון אַלע מיינע גליקען האָט זיך אויסגעלאָזען אן אויסגעבלאָזענע איי! נעכ־טען איז נאָך מיר פערבליעבען איין האָפנונג, דיא אַגענטורע פון דער פירמע א. ב. אוים! היינט האָב איך געהאַט די לעצטע ענטטוישונג!

שווינדעל! שווינדעל!! ליעגען, ניעדער־טרעכטיגקייט! געמיינהייט!!

אַלע האָבען געלויגט! יעדערער איז נור אויסען געוועזן עפּעס אויסצאַפּען פון מיר... מען האָט נור געזוכט אין מיר א קרבן פון וועמען אויסצונאַרען א פּאָאר דאָלאר...

וואָס טהוט מען? וואוהין לויפט מען? פאַר וואָס נעהמט מען זיך? דער קאָפּ מיינער שפּאַלט זיך מיר!

מיר דאַכט זיך, איך האָב ניעמאַלס אין מיין לעבען זיך ניט געפיהלט אַזוי ענטטוישט, אַזוי אונגליקליך, ווי איך פיהל עס יעצט. איך וואָלט וועלען פון זיך זעלבסט צולאַכען זיך, ווען איך זאָל דאָס נור קענען... מיר דאַכט זיך דיא גאַנצע וועלט האָט נאָך ניט פערמאָגט אזא מין נאַר, ווי איך בין... לאַכען ווילט זיך מיר, לאַכען מיט יאַשצערקעס, לאַכען מיט קרעמע־ניעם!

ווי גליקליך איך בין געוועזן, ווי בע־גייסטערט איך בין געוועזן! איך האָב געמיינט, אַז איך בין טאַקע א טהייערע סחורה... אוי, בין איך א יאָלד!... אָבער וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען? ווי פּוסט און ווי לעער עס איז מיר היינט אויפ'ן האַרצען... און עס שיינט מיר, אַז אַרום און אַרום מיר איז אויך פּוסט און לעער... עפּעס פיהל איך זיך אַזוי, ווי אַלעס איז אַרום מיר אויסגעשטאָרבען. מיר דאַכט זיך, מיינע פיס פיהלען ניט מעהר דיא ערד — איך האָב זיך ניט אָן וואָס אָנצושפּאַרען... היינט איז דער שווארצסטער טאָג אין מיין לעבען,

ווער ווייס? אפשר וועלען נאך קומען שווארצערע טעג?

ששש! דיא קינדערלאך שטיעפען און לאכען דרויסען... וואס טהוט זיך מיט מיר? איך האב אימער אזוי ליעב, אזוי ליעב זייער זיסען, זייער זילבערנעם געלעכטער... אימער ווען איך הער זיי לאכען, פיהל איך אזוי פיעל פערגניגען, אזוי פיעל גליק, אזוי פיעל נחת... היינט פיהל איך עס ניט... עפעס אזוי וויא איך וואלט געווען א הילצערנער מענש...

קינדערלאך מיינע, ווער ווייס, וויא לאנג זיי וועלען נאך לאכען... אפשר וועט באלד דיא שווארצע נויטה שטיל מאכען זייער געלעכטער, אפשר וועט הונגער —....

אוי, איך קען עס ניט שרייבען... איך וועל היינט מעהר ניט שרייבען... עס איז מיר היינט צופיעל פינסטער אויפ׳ן הארצען. דיא אלע מעקלערס, דיא אלע אגענטלאך, דיא אלע „דזשאבס", האבען מיך אויף אזוי פיעל ענטטוישט, אז מיר דאכט זיך, דאס דיא גאנצע וועלט ענדיגט זיך...

איך וועל פרואווען אביסעל דורכגעהן זיך... דרויסען איז אזוי גוט, אזוי שעהן... נישט געפעהרליך! די וועלט איז נאך ניט אויסגעשטארבען... וואס בין איך טאקע אזוי משוגע? עס איז דאך נאך קיין פיער וואכען ניט, וויא איך געה ארום אהן א דזשאב... איך וועל קריעגען וואס צו טהאן... נישט געפעהרליך! איך בין נישט קיין קאליקע. פאר וואס איך זאל זיך ניט נעהמען, וועל איך מאכען א לעבען... עס קומען אן אין נויארק יעדען טאג טויזענדער מענשען... גרינע, קענען א ווארט ניט ריידען, קענען קיין טרייד ניט, און קיינער פון זיי שטארבט ניט פאר הונגער... וואס איז אויף מיר אנגעפאלען אזא בהלה! שא! ווער זינגט עס דארמען, דרויסען?! מיין דארעלע! געזונד זאל זיא זיין! וואס פאר א זיסע שטימעלע זיא האט... א טהייער קינד! און ערעלע לאכט!... דער באיעלע מיינער האלט אין איין לאכען... וואס פאר א זיסע קינדערלאך איך האב... מען מוז געפינען וואס שנעלער... וואס שנעלער א דזשאב!... הא? ווער רעדט עס אין האלל? וואס האט עס מיר אזוי א קלאפ געטהאן אין הארצען?!.... אונזער „ליסטעריכע" איהר קלינגענדיגער קול׳כעל... וואס האבען מיר היינט? וועה איז מיר, שוין דער אכט־און־צוואנציגסטער... נאך דריי טעג הייסט עס איז רענט... וויפיעל געלד האבען מיר? היינט פריה האט מיין פרוי צוגעצעהלט... אונזער אפגעשפארטען פערמעגען: דרייסיג דאלאר! איך האב מורא צו צעהלען דיא געלד... עפעס ווען איך ווייס ניט, איז מיר ניט אזוי שווער אויפ׳ן הארצען... דאכט זיך מיר, אז דיא סכנה איז נאך ניט אזוי גרויס... זעהט איהר דאך, איך בין דער בוך־האלטער, און זיא, מיין פרוי, האט ליעב צו וויסען א רעכענונג... זיא האט פיינד צו לעבען אין חלומות... יעדען טאג צעהלט זיא און יעדען טאג ווערט איהר געזיכט טרויעריגער, טרויעריגער... דרייסיג דאלאר, ארונטער צוואנציג פאר רענט, בלייבט צעהן... מען קען עס בערעכענען אהן דער הילף פון א בוך־האלטער... צעהן דאלאר, אויף וויא פיעל וועט עס ציהען?!... אוי, וועה איז מיר, איך האב גאר פערגעסען... געז!! באלד קומט א געז־בילל... אה, גענוג צו שרייבען... לאמיך אביסעל געהן אין גאס אריין... איך וועל שוין באלד משוגע ווערען...

* * *

יוני, דעם אכטצעהנטען...

פוי, וויא היים היינט איז געווען. א גאנצער טאג האט מיט פייער געשפריצט! און מיר שפאלט זיך מיין קאפ! און איך בין אזוי מיעד, אזוי צובראכען, און וואס האב איך א טאג געטהאן? גארנישט! איבערגעלעזען אלע אדווערטייזמענטס פון אלע צייטונגען. ארומגעשלעפט זיך אין דיא גאסען וויא א שאטען... געווען דא... געווען דארטען... אלע מענשען ארבייטען... יעדערער איז מפרנס זיין פאמיליע... איך בין נור א בעל יוב־טוב... געזעהען וויא א פערד איז געפאלען אין גאס... געזעהען וויא מען מאכט צו מופען א פאמיליע... און עס האט גוט אפגעריסען אין הארצען... וואס טהוט מען? וואס טהוט מען? נישטא גארנישט! און מיר דאכט זיך, עס איז גאר ניטא קיין האפנונג, איך זאל עפעס קריעגען א בעשעפטיגונג. מען האט שוין געקראגען א פאאר דאלאר אויסגעבארגט, באלד וועט מען דאס פערלעבען... מיין פרוי איז שוין געווארען עקאנאמנע; מען שפארט שוין פון זיך... פון דיא קינדערלאך... וואס וועט עס זיין?...

וויא פינסטער און וויא אומעטיג זיא קוקט אויס, מיין ארימע פרוי... זיא סטארעט זיך מאכען פרייער, פרעהליכער... זיא וויל מיך ניט ענטמוטהיגען... ארעמע... וויא זיא רייסט מיר מיין הארץ אויף שטיקער!

וואס טהוט מען? פאר וואס כאפט מען זיך?! מיר איז פינסטער אין מיינע אויגען!!

* * *

יוני, דעם צוואנציגסטען...

היינט אייגענטליך האב איך ניט וואס צו שרייבען... מחמת דיא היצען האב איך דיא לעצטע צוויי טעג כמעט גארנישט געטריעט... נור דאך וויל איך עפעס פערשרייבען... מיין פרוי האט געבאדען אלע דריי קינדערלאך... האט

זיי אָנגעטהאָן אין ריינע, אין ווייסע קליידאַלאַך. דריי קליינע מלאכים'לאַך! און דיא מאַמע האָט זיי אַזוי געקושט... זיא האָט זיי אַלעמען יעדער גליעד אויסגעקושט... און איך האָב זיך געכאַפּט אַז איך האָב שוין אַ לאַנגע צייט מיינע קינדער נישט געקושט... איך האָב זיי געוואָלט נעהמען קושען... און איך ווייס ניט וואָס מיט מיר איז געוואָרען... טרעהרען האָבען מיך גענומען שטיקען אין האַלז... איך האָב זיך געמוזט אָפּקעהרען... אָנטהאָן זיך אַ כח ניט צו צו־וויינען זיך...

גליקליך! גליקליך! גליקליך! איז יענער פּאָטער, וועלכער האָט אַ בעשעפטיגונג, וועלכער האָט אַרבייט, וועלכער קען פּאַרדיענען און קען מיט אַ רוהיגען האַרצען... מיט אַ רוהיגען געוויסען קושען זיינע קליינע קינדערלאַך... מיר שיינט... איך האָב ניט קיין רעכט צו קושען זיי....

וועה איז מיר! איך האָב גאָר נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ מין טראַגישע בעשעפעניס עס איז אַ מאַן אָהן אַ דזשאַב... מיר ווילט זיך יעצט אויך וויינען!

* * *

יונגי, דער וויעפּיעלטער? דאַכט זיך מיר, דער פינף־און־צוואַנציגסטער. . .

איך האָב וויעדער געזוכט, געזוכט. עס האָט זיך עפּעס גערדאַכט, גע'חלום'ט... נור דער באַלאַנס איז „נול"... גאָרנישט! קיינער דאַרף מיך ניט האָבען. איך בין אַן איבריגער מענש אויף דער וועלט...

נעכטען נאָך סאַפּער, ווען דיא קינדער זיינען שוין געשלאָפען, האָט מיין פרוי געזאָגט צו מיר:

— באַרנבוים, וואָס וועט זיין?

איהר געזיכט האָט זיך בעדעקט מיט אַ שווערען וואָלקען.

איך האָב געשוויגען און זיא האָט ווייטער געזאָגט:

— איך רעכען געהן אין שאַפּ אַרבייטען...

— דו? — האָב איך זיא אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— נו, וואָס דען זאָל מען טהאָן? מיר וועלען זיך דערוואַרטען אַ צייט, ווען מיר וועלען אויסגעהן פון הונגער — האָט מיין פרוי געזאָגט, און אין איהרע אויגען זיינען טרעהרען געשטאַנען...

מיר איז געוואָרען זעהר שווער אויפ'ן האַרצען און איך האָב געטרייסט מיין פרוי:

— עס וועט געווערען נאָך אַ וואָך... נאָך אַ וואָך... איך וועל עפּעס קריעגען. איך האָב איבערזיכטען.

זיא איז אַוועק אַ טרויעריגע, אַ פערוויינטע אין בעט. איך האָב אַ גאַנצע נאַכט מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט.

„זיא וועט געהן אַרבייטען"!... און דיא קינדערלאַך! ווער וועט לעבען זיי בלייבען? און האָט זיא דען כח? און וויפיעל קען זיא פערדיענען?... ניין, אַזוי ווייט טאָר ניט דערגעהן! זאָל זיין אויס בוכהאַלטעריע! זאָל זיין— איך בין אַ מענש וויא אַלע מענשען... איך וועל נעהמען מאָרגען זוכען אַרבייט... איך וועל פּרובירען ווייטער זוכען אַרבייט ביי העמדלאַך. ווען איך בין געווען אַ גרינער האָב איך דאָך יע געאַרבייט ביי דער נעה־מאַשין... איך מוז געפינען עפּעס צו טהאָן... ענניטהינג! וואָס מיר זאָל זיך ניט מאַכען... אַבי אַרבייטען, אַבי פערדיענען!

* * *

נו, דעם דרייסיגסטען. . .

מאָרגען איז ווייטער רענט... ניטאָ אַ סענט... און מיר דאַכט זיך אַ שווערער באַרג היינגט איבער מיין קאָפּ. דער באַרג וועט מיך באַלד צודריקען...

דיא בוכהאַלטעריע האָט מיך געמאַכט פאַר אַן אייביגען קריפּעל... איך וועל קיינמאָל אין לעבען ניט קענען טהאָן אַן אַנדער אַרבייט... איך קען נור זיטצען אויף אַ רעוואָלווינג שטוהל און שרייבען ציפער... איך האָב מורא פון מיר וועט זיין אַ ביטערער סוף... איך האָב היינטיגע וואָך געמאַכט אַ פּראָבע זוכען אַרבייט ביי העמדלאַך... איך בין אַוועק אין דעם בעקאַנטען געגענד, וואו עס געפינען זיך דיא שעפּער... ווען איך בין אַהין געקומען, האָט מיר גענומען דיא האַרץ קלאַפּען... איך האָב זיך גענומען פיהלען עפּעס אַזוי, וויא איך וואָלט געגאַנגען גנב'ענען... מיטאָגס־צייט האָבען גענומען געהן העמדעלנעהער פון דיא שעפּער. אַ פּאָאר בעקאַנטע האָבען מיך אָנגעטראָפען... בלאַסע, פערשמירטע, פערפינסטערטע...

— האַללאָ! — האָט מען מיך בעגריסט— וויא קומט איהר עפּעס אין אונזער פינסטערען געגענד?

איך האָב אויף זיך געמאַכט אַ פריילאַך פּנים און געענטפערט:

— אַזוי. איך האָב געמוזט פערבייגעהן...

— אַי, — רופט זיך צו מיר אָפּ איין אַפּערייטאָר — גליקליך זייט איהר, וואָס איהר האָט זיך אַרויסגעריסען פון דער אַרבייט...

איך האָב ניט געזאָגט, אַז איך בין ווייט ניט גליקליך... אַז איך געה זוכען אַרבייט...

ניין, עס וועט קיינמאָל ניט פּאַסירען. איך קען יעצט קיין אַפּערייטאָר ניט ווערען... אפשר,

אין אן אנדער שטאָדט, וואו קיינער קען מיך ניט, וואו קיינער ווייס מיך ניט... דאָ קען איך ניט... עס קען מיך אָנטרעפען אַ בעקאַנטער באָר, אַ בעקאַנטער ארבייטער, פון דיא וועלכע זיינען מיר אזוי מקנא. איך האָב מורא דערפאר... איך קען ניט זוכען ארבייט ביי מיין טרייד... איך קען ניט! דיא פינף יאָהר צייט, וואָס איך בין אָפּגעזעסען אין אָפּיס, האָבען מיך געמאַכט פאר אַן אנדער מענשען. אָדער פאר גאָר אויס מענש... מיר דאַכט זיך, אַז מיין נשמה בעשטעהט פון אַ דעסק, אַ רעוואָלווינג שטול און ציפערן... מעהר וועל איך צו גאָרנישט פעהיג זיין...

וואָס טהוט מען? פאר וואָס בין איך דאַן אזוי שנעל ארויס פון אָפּיס? אפשר, ווען איך וואָלט זיך געבעטען... אפשר ווען איך וואָלט גערעדט... בעדאַרפט פערבלייבען, בעדאַרפט מאָרגען ווייטער קומען... שטאָלץ בין איך געווען... אי, בעצאָהל איך דערפאר!

* * *

יולי, דעם צעהנטען...

און איך האָב נאָך קיין רענט ניט איינגעצאָהלט... דיא „ליסטערקע" בעט ניט, איך וואָהן שוין אין הויז דריי יאָהר צייט... אימער געצאָהלט גוט, האָט זיא אביסעל אָבשיי און בעט ניט... נור איהרע בליקען!... איהרע בליקען רייד־דען... זיי שטעכען מיך, איהרע בליקען, וואַרפען אויף מיר אָן אַן אימה, אַ קעלט... זיי שרעקען מיך מעהר, איידער דיא בליקען פון אַ בר מנן.

איך האָב מורא צו בעגעגענען דיעזע פרוי. איך האָב מורא אָנצוטרעפען זיך אויפ'ן הויזקיפּער... וויא אַ גנב געה איך ארויס פון מיין הויז, וויא אַ גנב כאַפּ איך זיך אריין אין הויז... איך האָב מורא דורכצוגעהן דעם האָלל... איך האָב מורא פאר דיא שכנים: מיר דאַכט זיך אַלע ווייסען זיי שוין, אַז איך קען מעהר קיין רענט ניט צאָהלען... איך דערקען דאָס אָן זייערע אויגען... זיי ווייסען... איך האָב מורא פאר דער גאַנצער וועלט. איך הייב אָן מורא האָבען פאר מענשען, אזוי וויא איינער ווער עס ליידעט פון הידראָפּאָביע האָט מורא פאר וואַסער; מיר שיינט, איך וועל באַלד אָנהייבען מורא צו האָבען פאר זיך אַליין. און קיין בעשעפטיגונג האָב איך ניט. איך וואָלט אפשר געקענט ווערען אַן אגענט אין אַ לעבענס־פערזיכערונגס קאָמפּאַניע.. דאַרף מען האָבען הונדערט דאָלאַר זאַלאָג...

הונדערט דאָלאַר! עס רעדט זיך הונדערט דאָלאַר?! און הונדערט סענט קען איך דען יעצט קריעגען?!

* * *

יולי, דעם צוועלפטען...

קיין רענט נאָך ניט בעצאָהלט... איך בין אַ מיטגליעד אין צוויי פעראיינען — האָט מען היינט געלאָזט מיר וויסען, אַז איך בין פון ביידע פעראיינען אויסגעשלאָסען פאר ניט איינצאָהלען מיינע בייטרעגע...

היינט האָב איך געזעהען פון דער ווייטען וויא גינזבורג געהט. ער איז מיינער אַ פריינד, אַ גאַנץ פערמעגליכער מענש... גינזבורג האָט מיך אויך געזעהען. נור ער האָט זיך געמאַכט אַז ער זעהט מיך ניט און ער האָט זיך שנעל פערקעהרט אין אַן אַנדער זייט אום אויסצומיידען מיין בעגעגניש...

מען האָט מורא מיט מיר צו טרעפען זיך, טאָמער וועל איך בעטען הילף... מיינע פריינד, וועלכע פלעגען צו מיר אָפט ארויפקומען, האָבען אויפגעהערט מיך צו בעזוכען... מען ווייכט מיך אויס, אזוי וויא איך וואָלט געווען עפּעס אַ קרעציגער מענש... און דיא, וועלכע עס בעגעגענען מיך, קוקען אויף מיר אזוי מאָדנע... זיי קוקען אויף מיר אזוי, וויא מען קוקט אויף איינעם, ווען מען קומט מבקר חולה זיין און מען ווייס אז דער חולה מוז שטאַרבען... פון זייערע בליקען שוידערט מיר!

מען ווייכט מיך אויס, און, אַן אַנדערע מאָל דאַכט זיך מיר, אז אין גיכען וועט מען זיך צולויפען פון גאַס, ווען מען וועט נור מיך דערזעהען...

איך פיהל זיך ערניעדריגט, איך פיהל זיך דערשלאָגען; און מיר דאַכט זיך — יעדער איינער קען אָן מיר דערקענען אַז איך פערדיען ניט, אַז איך האָב ניט אויף צום לעבען!

עס איז מיר ניט ניחה אריינצוקומען צו זיך אין הויז. איך האָב מורא צו בעגעגענען מיין אייגענע פרוי, מיינע אייגענע קינדער.. איך קען ניט אויסהאַלטען דיא מרה־שחורה, וועלכע עס האָט בעדעקט מיין הויז, מיין פאַמיליע...

עס איז מיר ניט ניחה ארויסצוגעהן אין גאַס. מיר דאַכט זיך, איך בין איבעראַל אַן איבעריגער. מיר דאַכט זיך, אַז יעדער איינער וואָלט פון מיר וועלען פּטור ווערען...

* * *

יולי, דעם פונפצעהנטען...

קיין רענט נאָך אַלץ ניט בעצאָהלט...

איך האָב מורא צו עפענען דיא טהיר... מיין פרוי געהט אויך ניט ארויס פון הויז גאַנצענע טעג... זיא האָט אויך מורא צו טרעפען זיך מיט דער לענד־ליידי... מיינע קינדער לאָזט דיא מאַמע אויך ניט ארונטערגעהן... מיינע קינדער פיהלען שוין דעם אונגליק.. דיא ביטערע נויטה...

מרויעריג זיינען זיי... זיי לאכען ניט מעהר... און איך פיהל, אז מיר מישט זיך אין קאפ!!

* * *

יולי, דעם אכטצעהנטען...

דער געדאנק וועגען שטארבען, וועגען טויט, וועגען זעלבסט־מארד האט זיך בעזעצט אין מיין מוח, כמעט באלד נאך דעם וויא איך האב פערלארען מיין דזשאב. נור היינט איז דער רעיון פערשטארקט געווארען... דער רעיון האט מיך בעהערשט. ער לאזט מיך ניט אפ... איך קען כמעט וועגען קיין אנדער זאך ניט טראכטען.

גאנץ פריה איז געוועזן דיא „ליסטערקע“, געבעטען רענט און טאקע געזאגט, אז ליינגער קען זיא ניט ווארטען...

ווען דיא „ליסטערקע“ איז אוועק, איז אויף מיר אנגעפאלען מיין אייגענע פרוי... איהר גאנצען כעס, איהר גאנצע פינסטערע, ביטערע הארץ האט זיא צו מיר אויסגעלאזען... און איך בין ניט בעסער געוועזן... עס האט זיך אפגעשפיעלט א העסליכע, שוידערליכע סצענע... עס האט געהאלטען דאביי: מיר זאלען זיך נעהמען שלאגען... דיא קינדער האבען זיך זעהר דערשראקען און ביטער געוויינט... נאכהער איז מיר אנגעקומען א בריעף, פון דער קאמפאניע, אין וועלכער מיין לעבען איז פארזיכערט אין טויזענד דאלאר. מען האט מיר אנגעזאגט דיא גוטע בשורה, אז אויב איך וועל אין איין וואך צייט ארום ניט איינצאהלען דאס, וואס איך בין שולדיג, וועט מיין פאליסי געלעפסט ווערען...

און דאס אלעס האט געווירקט אזוי, אז דער רעיון וועגען זעלבסטמארד האט זיך אזוי פארשטארקט...

ווען איך וואלט יעצט געשטארבען וואלט מיין פאמיליע קריעגען טויזענד דאלאר... אין א וואך ארום וועט זיין צו שפעט...

* * *

יולי, דעם צוואנציגסטען...

אין דיעזען טאג האט בארנבוים גארנישט געשריעבען... נור אין אייניגע צייטונגען האבען אנדערע וועגען איהם געשריעבען:

„א בוכהאלטער פון א יאהר פערציג, האט בעגאנגען זעלבסטמארד דורך איינגעהמען קארבאליק־עסיד. אורזאכע: ער האט פערלארען דיא שטעלע“...

דעם דיכטער׳ס טראגעדיע.

פאר מיר ליעגען אויסגעשפרייט מיילען אויף מיילען
פון פראכט־פאנאראמאס, פער׳כשוף׳טע בילדער,
אהן כיון צוזאמענגעווארפען פון ווילדער
נאטור׳ס פוללע הויפענס, א צויבער־פאעמא,
א סארט שיר־השירים, פערפאסט אהן א טהעמא.

און ווייט וויא איך קען מיט מיין אויג נאר פערווארפען,
און ווייט וויא איך קען מיט מיין זינן נאר בעגרייפען,
זיך ציהען דיא גערטנער אין פארביגע שטרייפען,
וויא בליהענדע ליענטעס זיך שטרעקען דיא בייטען
און שוויבלען און גריבלען מיט בלומען אין קוויטען.

מיט מוסקעל און שוויים דיריגירט פון׳עם בויער,
דא זינגט דיא נאטור אויף דיא פעלדער פערזייטע,
דורך סעדער צוגרינטע, מיט בליהונג פערשנייטע;
ד א ר ט קלינגען פאנטאסטיש־פערשייט איהרע קלאנגען,
ד א זינגט זיא פון תכלית, פון גארבען און זאנגען.

און איך בין דער עדות פון געטליכע וואונדער:
איך זעה מעשי בראשית ארונד און ארום מיר,
איך זעה מיט מיין אויג דיא ג ע ב ו ר ט פ ו ן א ז ו מ ע ר,

איך זעה אויפ'ן בראָכ־שטוהל נאַטור, קומט דעם מענשען
בעגליקען, מיט טויזענדער ברכות איהם בענשען.

און ס'רופען פון אלע פיער זייטען און ווינקען
אונצעהליגע שטימען, אונצעהליגע פינגער,
אנו, נעהם דיא פעדער, דוא שטערבליכער זינגער,
גיעס אויס דיין נשמה אין הימנען, און שילדער —
אין ריטהמען און קלאַנגען, פערקערפּער אונז, בילדער.

מיר וועלען מיט דיר זיך אין שותפות בעהעפטען —
דיא הימלען און ערד זאָלען זיין פאר אונז עדות —
מיר וועלען פאר דיר דאָ ענטפּלעקען דיא סודות
פון שפּראָצען און וואכסען, פון בליהען און גרינען,
נאָר, זעה, זאָלסט דיא ריכטיגע קלאַנגען געפינען,

אין פּאסענדע ריטהמען דיא סודות בעקליידען.
מיר וועלען דיר לייהען, מיר וועלען דיר באָרגען
דעם שפּראָץ פון בעגינען, דאָס רויט פונ'ם מאָרגען,
דעם שיממער פון נאָר־וואָס געבאָרענע שטראהלען,
געפאנגען אויף שפיצען פון פעלזען און סקאַלען.

קענסט ברויכען דעם זילבערנעם טרעלל פון קאנאריק,
דעם וואססער פאלל'ס רוישען, זיין פאללען, זיין שטייגען,
דיא שטומקייט פון פעלזען, דעם לשון פון צווייגען,
מיר וועלען דיר שיינקען דיא פארב פון דיא בלומען,
דעם אטהעם פון ליליען, פון רויזען פערפיומען. —

נאָר, זעה, זאָלסט עס אלעס בשלמות קאָפּירען:
דוא זאָלסט דיין פאנטאזיע ניט מאטערן, ניט צווינגען,
דו זאָלסט, ווי מיר זיינען, אונז מאָהלען, בעזינגען,
אז מיר און דיין ליעד זאָלען זיין וויא א צווילינג,
צוזאמען בעשאפען פון זעלביגען פריהלינג.

*   *   *   *   *   *   *   *   *
*   *   *   *   *   *   *   *   *
*   *   *   *   *   *   *   *   *
*   *   *   *   *   *   *   *   *

נאָך טעג אָהן הצלחה, נאָך נעכט אָהן בטחון,
האָב איך מיט א וועהטאָג מיין פעדער צובראָכען! —
אויף ד'רערד ליעגט מיין אָרימע פעדער בעצוואונגען,
ארום בליהט דער פריהלינג, פון קיינעם בעזונגען!....

יעקב מארינאָוו.

מאי, 1906.

ניקאלאי טשאיקאווסקי.

פון מ. קאַטץ.

עס וועט קומען אַ צייט — און זיא איז גאַנץ נאָהענט פון אונז — ווען דיא קינדער פון אַ בעפרייטע רוסלאַנד וועלען לערנען דיא געשיכטע פון דעם בעפרייאונגס־קאַמפף, פאַר וועלכען דיא בעסטע פון זייער פאָלק האָבען זייערע כוחות אַוועקגעלייגט. דאָס וועט פאַר זיי זיין אַ געשיכטע פון דיא פערגאַנגענע דורות; פון דיא בלוטיגע שלאַכטען וואָס זייערע עלטערן האָבען געפיהרט געגען דיא בייזע הערשער, פון דעם העלדישען מוטה, וואָס דיא פרייהייטס־גבורים האָבען בעוויזען, פון דיא וואונדערליכע טהאַטען וואָס זיינען געשעהן, פון דיא גרויסע פּאַסירונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען. ניט געגנב'עטערהייט, ניט פערבאָרגענערהייט וועלען זיי דיזע געשיכטע לייענען, נור אָפען אין דיא פאָלקס־שוהלען, פון דיא שוהל־ביכער מיט דער הילף פון זייערע לעהרער און אונטערריכטער, ערציהער און פּרעדיגער. מיט האַס און צאָרען וועלען בליצען זייערע אויגלעך דערמאָנענדיג דיא נעמען פון דיא בייזע הערשער, וואָס האָבען געהאַלטען זייערע עלטערן אין אונטערטהעניגקייט און שקלאַפעריי, און מיט שטאָלצע בעגייסטערונג יעלען אָנקוועלען זייערע הערצלעך, ווען זיי וועלען אַרויסריידען דיא נעמען פון דיא פיעל נאָבלע העלדען, וואָס האָבען מיט זייער פאָלקס ליידען געליטען און וואָס האָבען געהייליגט זייער לעבען צו קעמפפען פאַר זיין בעפרייאונג.

וויא מיט בריליאַנטענע אותיות אויסגעזעצט אין גאָלדענע לוחות אַזוי וועלען פאַר דיא קינדערס אויגען שיינען דיא נעמען פון דיא בראַווע גבורים און אַלס בייספּיעל וועלען זיי פאַר זיי דיענען, וויא דיא פרייהייט טהייער און הייליג צו האַלטען און וויא טריי און עהרליך צו דיענען דעם פאָלק. און איינער פון דיזע נעמען אין דיא פאָדערסטע רייהען פון דיא גבורים וועט זיין ניקאָלאַי טשאַיקאָווסקי, „דער פאַטער פון דער רוסישער רעוואָלוציאָן", וויא זיין נאָמען איז שוין איבערגעגאַנגען אין דער געשיכטע פון דעם געגענווערטיגען קאַמפף. דאָס איז דער מאַן, וועלכער איז מיט אונז איצט דאָ אין נויאָרק, געשיקט געוואָרען אַלס שליח אַהער פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען, אין וועלכער ער איז איינער פון איהרע ערשטע פיהרער.

פיעלייכט איז דאָס ניט גאַנץ קאָרעקט צו בעצייכנען ניקאָלאַי טשאַיקאָווסקי אַלס „דער פאַטער פון דער רעוואָלוציאָן", אַבוואָהל רעוואָלוציאָנען האָבען אויך טאַטע־מאַמעס. דיא מוטער פון רעוואָלוציאָנען איז דעם פאָלקס ערוואַכטע אונגעדולד און זייער פאַטער איז דער הייליגער גייסט פון אויפקלעהרונג, וועלכער רופט אַרויס און ערהיצט דיא בעהאַלטענע כחות פון פאָלק און ערוועקט זיי צום קאַמפף פאַר פרייהייט און רעכט. אָבער אויב דיזער הייליגער גייסט פון אויפקלעהרונג קומט פון דיא בעסטע קעפּף און איידעלסטע הערצער פון אַ פאָלק, דאַן איז דאָס ניט איין קאָפּ און ניט איין האַרץ, און דאַרום וועט פיעלייכט זיין מעהר קאָרעקט, ווען מיר וועלען בעצייכנען ניקאָלאַי טשאַיקאָווסקי אַלס איינעם פון דיא ערשטע איינצעלנע רוסישע פּיאָנירען פון דעם קאַמפף פאַר פרייהייט אין דעם סאָציאַליסטיש־ראַדיקאַלען זינען פון וואָרט.

אין יענער צייט, ווען טשאַיקאָווסקי האָט אָנגעהויבען טהעטיג צו זיין פאַר דער פערשפּרייטונג פון סאָציאַליסטישע אידעען איז נאָך קיין סאָציאַליסטישע בעוועגונג אין דעם איצטיגען זינען פון וואָרט אין רוסלאַנד ניט געוועזן. אין 1851 איז טשאַיקאָווסקי געבאָרען געוואָרען, אין אַ פאַמיליע פון רוסישע פּריצים פון דער העכערער אַריסטאָקראַטיע, און ווען עס איז געשעהן דיא בעפרייאונג פון לייבאייגענשאַפט, „ווען דאָס וואָרט „וואָליאַ" איז וויא מיט צוויבער־פליגלען דורכגעפלויגען דיא גאַנצע ליינג און ברייט פון רוסלאַנד", — לויט דעם אויסדרוק פון טשאַיקאָווסקי, — איז ער אַלט געוועזן סך הכל צעהן יאָהר.

„לעבענדיג מיט מיינע עלטערן — דערצעהלט ער אונז — אין זייער מאַיאָנטעק, האָב איך דיא מעהרסטע צייט אין מיינע קינדער־יאָהרען געשפּיעלט זיך מיט דיא אינגלעך פון דיא

פויערים און האָב דערפון גאַנץ פריה געלערנט צו פערשטעהן די פריידען און די ליידען פון דעם פויערס לעבען".

דערנאָך ווען ער איז עלטער געוואָרען און האָט מעהר געלערנט פון ביכער „האָבען זיך די פריהע איינדריקע צונויפגעפרעסט אין אַ פעסטע איבערצייגונג, וואָס פאַר אַ טיעפער היסטאָרישער אונרעכט עס עקזיסטירט אין דער לאַגע פון די פויערים, — אַ טיעפע איבערצייגונג, אַז די פריווילעגירטע קלאַסען מוזען גוט מאַכען דאָס וואָס זיי זיינען שולדיג דעם ארבייטענדען פאָלק".

און דאָס זיינען ווירקליך געווען די געפיהלען און די איבערצייגונגען פון די איידעלסטע יונגע מענשען פון יענעם דור. זיי האָבען געפיהלט, אַז זיי האָבען אַ מאָראַלישען חוב אויף זיך און זיינען געווען איבערצייגט, דאָס אַזוי לאַנג וויא דיזער חוב צום פאָלק וועט ניט בעצאָהלט ווערן, ווען אפילו עס זאָל קאָסטען דעם אייגענעם לעבען, אַזוי לאַנג וועט די „היסטאָרישע אונגערעכטיגקייט" ניט פערשווינדען און דאָס פאָלק וועט בלייבען זינקען אין עלענד און שקלאַפעריי.

עס זיינען דאָ מענשען, וועלכע זיינען פון דער נאַטור אויס מסוגל אויפצונעהמען אַל'דאָס שעהנסטע און בעסטע פון דעם גייסט פון זייער צייט; זיי קומט ניט אויס אַ שווערען אינערליכען קאַמפף דורכצומאַכען אום דאָס שלעכטע אין זיך צו אונטערדריקען און דאָס גוטע צו ענטוויקלען, אַזוי וויא אַ גוטער באָדען איז מסוגל אָהן בעזונדערע ארבייט ארויסצוגעבען די בעסטע פירות, ווען גוטע זאָמען זיינען דורך אומשטענדען אהין פערטראָגען געוואָרען. אַזאַ נאַטירליך בעאַנלאַגטע פערזאָן איז הפנים פון קינדווייז אויף געווען דיזער גרייז-גרויער העלד פון רוסישער בעוועגונג. קוים אכצעהן יאָהר איז ער אַלט געווען, ווען ער איז אין 1868 אָנגעקומען קיין פעטערבורג און אריינגעטראָטען אין אוניווערזיטעט, און באַלד וויא ער איז אָנגעקומען אין אוניווערזיטעט, האָט ער זיך שוין אָנגעשלאָסען אָן אַ פעראיין צוזאַמען מיט סאָפיא פעראָווסקאַיא, אַ פעראיין מיט דעם צוועק צו געבען בילדונג פאַר אַרעמע קינדער.

פון דיזען ערשטען שריט אָן איז ער געגאַנגען פאָרווערטס, וויזענדיג דער יוגענד דעם וועג צו העכערע אידעאַלען. ביים סוף פון זיין ערשטען יאָהר שטודירען אין פעטערבורג הויבט זיך אָן אַ ראַדיקאַלע סטודענטישע בעוועגונג און דער יונגער אכצעהן - יעהריגער טשאַיקאָווסקי איז שוין אין איהר מיט גוף און נשמה; און וויא אין אַלע בעוועגונגען, אין וועלכע ער האָט זיך בעטהייליגט דערנאָך, האָט ער אַזוי שוין אויך דאַן געשפּיעלט אין איהר ניט די לעצטע פידעל. די שטודירענדע יוגענד האָט שוין געלערנט די אידעען פון וועסטאייראָפּאַ, האָט פערשטאַנען בעסער דעם שיקזאַל פון איהר אייגען פאָלק און פון אנדערע פעלקער און האָט זיך שוין ניט געקענט בענוגענען מיט בלויז לערנען די אַרעמע לעזען, שרייבען און פערשטעהען עפּעס. ניין, מיט דער גאַנצער ליידענשאַפט פון זייערע יונגע כוחות האָבען זיי געוואָלט ענדערן דעם גאַנצען שיקזאַל פון רוסלאַנד. דיזע שטודירענדע יוגענד האָט זיך שוין דאַן געשטעלט די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירען אַ מאַכט, וועלכע זאָל קעמפּפען פאַר די רעכטע און די אינטערעסען פון די ארבייטענדע מאַסען אויף אַ רעוואָלוציאָנערען אופן.

פינף פון די טיכטיגסטע פאָרשטעהער פון די העכערע שוהלען אין פעטערבורג: פון אוניווערזיטעט, פון דער מעדיצינישער אַקאַדעמיע און פון טעכנאָלאָגישען אינסטיטוט האָבען געגרינדעט פון זיך אַ גרופּע מיט דעם צוועק צו בעשעפטיגען זיך מיט דיזער אָרגאַניזירונגס־ארבייט. דער פאָרשטעהער פון אוניווערזיטעט איז געווען ניקאָלאַי טשאַיקאָווסקי. פון דיזער גרופּע האָט זיך דאָס אָנגעפאַנגען די אָרגאַניזירונג פון די רעוואָלוציאָנערע כוחות פון יענער צייט, פון איהר איז דאָס ארויסגעוואַקסען די קינפטיגע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי „זעמליא אי וואליא" און דערנאָך „נאַראָדנאַיא וואָליא".

די ערשטע ארבייט פון דער גרופּע איז געווען בעגרעניצט בלויז אויף פּראָפּאַגאַנדא צווישען דער שטודירענדער יוגענד, אָבער די ארבייט איז געוואַקסען מיט ריעזען-שריט און אין 1872 איז שוין די ארבייט אריבערגעטראָגען געוואָרען פון די סטודענטישע קוואַרטירען אין די פאַבריטשנע קוואַרטאַלען און אויך אין די דערפער. אז טשאַיקאָווסקי איז געווען די נשמה פון יענער בעוועגונג, דאָס קען מען שוין אורטהיילען דערפון וואָס די הויפּט גרופּע האָט געטראָגען זיין נאָמען און יענע בעוועגונג איז אַזוי איבערגעגאַנגען אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען „טשאַיקאָווצעס". עס איז גענוג צו דערמאָנען דאָ אייניגע נעמען אום צו האָבען שוין אַ גייסטיגען בעגריף וואָס די „טשאַיקאָווצעס" זיינען געווען. צווישען זיי זיינען געווען: פעראָווסקאַיאַ, קראָפּאָטקין, טשאַרושין, סטעפּניאַק (קראַווטשינסקי), סינעגוב, פּאָפּאָוואַ, שישקאַ, און נאָך פיעלע פון די, וועמעס נעמען וועלען אויביג בלייבען שיינען אין דער געשיכטע פון קאַמפף פאַר אַ בעסערער וועלט. די אָרגאַניזירונג פון אַזעלכע גרופּען איז אויך

איבערגעגאַנגען אין אַנדערע גרויסע שטעדט פון רוסלאַנד: אין אַדעס האָט זיך געגרינדעט אַן עהנליכע רעוואָלוציאָנערע גרופּע, פון וועלכער מען עראינערט דיא נעמען: וואָלכאָווסקאַי, זשעלאָבאָוו, טשודנאָווסקי, פראַנזשאָלי. אַ צווייג פון דיא פּעטערבורגער טשאַיקאָווצעס איז אויך אַרויסגעוואַקסען אין מאָסקווא; יענע גרופּע האָט געצעהלט צווישען זיך דיא בעוואוסטע: קליאַטשקא, באַטיושקאָווא, פראָשענקאָ און אַנדערע. אין קיעוו האָט זיך געבילדעט אַ קרייז מיט דערזעלבער פּראָגראַם און דאָרט טרעפען מיר דעם בעריהמטען אַקסעלראָד. עהנליכע גרופּעס האָבען זיך אויך געגרינדעט אין כאַראַקאָוו, כערסאָן, וויאַטקע, אָריאָל און אַנדערע גרויסע שטעדט. אַזוי האָט זיך אין צייט פון איניגע יאָהר ענטוויקעלט אין גייסט און אין טהאַט דיא אַרבייט, וועלכע טשאַיקאָווסקי מיט זיינע עטליכע חברים האָבען אָנגעהויבען. דיא בעוועגונג איז אָבער בשום אופן ניט איבערגעוואַקסען טשאַיקאָווסקיס גייסט, וויא עס פּאַסירט אַמאָל, אַז דיא אידעען און בעוועגונגען שטייגען איבער דעם גייסט פון דיא, וועלכע זיינען זייערע אורשפּרינגליכע אַרויסברייגנגער.

אין 1873 יאָהר, ווען טשאַיקאָווסקי האָט געהאַלטען אין פאַ ־ערטיגען זיין דיסערטאַציע



ניקאָלאַי טשאַיקאָווסקי.

ענדיגענדיג דיא קורסען פאַר אַלגעמיינע וויסענשאַפטען אין דעם פּעטערסבורגער אוניווערזיטעט איז ער צוזאַמען מיט אַנדערע פון זיינע חברים אַרעסטירט געוואָרען. דיא רעגיערונג האָט קיינע שטאַרקע בעווייזע געהאַט געגען איהם און ווען ער האָט זיך בעפרייט האָט ער פערלאָזען רוסלאַנד. עס וואָלט געווען אַ לאַנגע געשיכטע צו בעשרייבען דאָס לעבען פון דיעזען קעמפּפער אין דיא ערשטע יאָהרען, ווען ער האָט זיך אָבגעריסען

פון זיין היימאַטס־לאַנד און מיט'ן פולען גייסט פון אַ רעוואָלוציאָנער האָט ער זיך געזוכט צו בעזעצען אין דיא פרייערע לענדער. אין אונזערע פעראייניגטע שטאַאטען פון נאָרד־אַמעריקא האָט ער פערבראַכט דאַן איניגע יאָהר; דאָס איז געווען דער לעבען פון קאָמוניסטישע פארמעריי. פון איינפאַכע האַרעפּאסנע ארבייט אום דורך אייגענע פראַצע צו קענען לעבען — פיעלעס וואָלט ער געהאַט צו דערצעהלען פון זיין ארבייט אַלס קאַרפּענטער אין דיא שיפּ־יארדס פון פילאַדעלפיא, אַלס אַ פשוטע האַנד אין צוקער־פעקטאָריס, אַלס צייטונגס־שרייבער, א. ז. וו. דאָס זיינען געווען יאָהרען פול פון ערפאַהרונגען אין אַלע טהיילען פון לעבען; יאָהרען פון נויט און עלענד, פון נסיונות, פון קעמפּפע און שטרעבען.

אין 1879 האָט ער בעשלאָסען צו בעזעצען זיך מיט זיין פאַמיליע אין ענגלאַנד. און פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין לעבען אויסער רוסלאַנד האָט ער ניט נור ניט פארגעסען דיא ארבייט, וועלכע ער האָט אָנגעפאַנגען אַלס פּיאָניער, זאָנדערן האָט געאַטהעמט מיט דער בעוועגונג פאַר רוסלאַנד'ס בעפרייאונג און האָט גענומען אין אַלעמען אנטהייל אין דער פּראָפּאַגאַנדאַ פון דיא פאָרטגעשריטענסטע אידעען פון אונזער צייט. דאָ האָט ער מיט סטעפּניאַק, קראַפּאָטקין און וואָלכאָווסקי אימער אויפגענומען דיא רוסישע יוגענד, וועלכע דער שיקזאַל האָט געבראַכט אין דיא פרייערע לענדער אום דאָרט צו פּלאַנעווען דיא מיטלען און וועגען וויא צו רעוואָלוציאָנירען רוסלאַנד. און אזוי זעהען מיר איהם אַלס טהעטיגען מיטגליעד און אלס איינעם פון די פיהרער פון פיעלע בעוועגונגען און קעמפּפע פאַר אַ בעסערע געזעלשאַפטס־אָרדנונג.

נור אין דער צוקונפט פון אַ פרייע רוסלאַנד, ווען מען וועט אָהן פורכט פאַר דעם לעבען און פרייהייט פון פיעלע לעבענדע און ווירקענדע גייסטער אין רוסלאַנד קענען שרייבען דיא געשיכטע פון דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף פאַר דיא לעצטע יאָהרען אין יענער מדינה, וועט מען ערשט קענען בעשרייבען דעם טיכטיגען אַנטהייל וואָס טשאַיקאָווסקי נעהמט אין איהר אלס איינער פון דיא בראַווע פיהרער פון דער פאַרטיי סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען און די ראָלע, וועלכע ער שפּיעלט אין איהר.

ווייסע האָאר בעקרענצען שוין דעם שטאָלצען שעהנעם קאָפּ אויף דער גראַדער פעסטער פיגור פון דעם קעמפּפער, און נאָך אימער בעלאַנגט ער צו דיא יונגסטע אין מוטה, ענערגיע און בעגייסטערונג. דער אידעאַליזמוס פון דעם רוסישען רעוואָלוציאָנער האָט זיך אין איהם קריסטאַליזירט מיט דעם געזונדען פּראַקטישען בליק פון דעם אנגלאָ־זאַקסער, צווישען וועלכע ער לעבט שוין צעהנדליגע יאָהרען לאַנג. און אלס אַזאַ איז ער אַ מוסטער פון געזונדען דענקען, פּראַקטישען פערשטאַנד, הויכען גייסט און הייליגע אָפּפערוויליגקייט — דער פּאַסענדער פיהרער פון אַ גרויסער בעוועגונג.

וואָס פאַר אַ בעפריעדיגונג עס ערוועקט זיך אין האַרצען פון יעדער רעוואָלוציאָנער, ווען עס שיינט פאַר דיא האָפנונג, אַז דיעזע אַלטער יונגער העלד וועט זוכה זיין צו זעהען, וויא פון דער זריעה וואָס ער האָט געזעעט, מיט פינף און דרייסיג יאָהר צוריק אויף אַ פערפראָרענעם באָדען, וועלכען ער מיט פיעלע חברים צו איהם האָבען דערנאָך מיט זייער האַרץ־בלוט געוואַרעמט, הויבען אָן ארויסצוקומען דיא שפּראָצונגען פון דיא געווינשטע פירות. נאָך זיינען דאָס שפּראָצונגען, אָבער אונצעהליג זיינען איצט דיא כוחות וואָס ווירקען צוזאַמען מיט טשאַיקאָווסקי, אַז פון דיעזע שפּראָצונגען זאָלען זיך ענטוויקלען יענע געזונדע פירות פון גליק און רעכט פאַר אַלעמען.

און אין יענע יאָהרען פון אַ פרייע רוסלאַנד, ווען מען וועט דערצעהלען דיא העלדישע מעשים און לעזען דיא נעמען פון דיא, וואָס האָבען זייערע כוחות אַוועקגעלייגט דיעזע פרייהייט צו פערווירקליכען וועט צווישען דיא נעמען פון דיא גבורים אין דיא ערשטע רייהען פערנעמען דער נאָמען ניקאָלאַי טשאַיקאָווסקי.

מ. קאַטץ.

---

*) צו אונזער בעדויערן האָבען מיר ניט בעקומען דעם אַרטיקעל וועגען אונזער דריטען רעוואָלוציאָנערען גאַסט, גענ. מאַקסים. מיר האָבען צוויי מאָל בעשטעלט דעם געווינשטען אַרטיקעל איינמאָל ביי. אַ בעוואוסטען שרייבער וואָס שטעהט נאָהענט צום „בונד“, דעם צווייטען מאָל ביי דעם „בונד“ אליין. (רעד.

טובערקאלאזים.

אויסצעהרונג איז אן אנשטעקענדע קראנקהייט. וואס הייסט עס אן אנשטעקענדע קראנקהייט?

מאלט אייך אז א מענש, ר' חיים, יענקעל, אדער טודרוס איז פלוצלונג קראנק געווארען, לאמיר זאגען פון אפענדיסיטיס אדער ראמאטעס, אדער דערפון וואס לכבוד שמחות תורה, אדער פורים האט ר' טודרוס אריינגעכאפט א פאר שנעפסליך מעהר וויא ער קען פערטראגען. דער פארשוין איז קראנק. עס טהוט איהם וועה. ער קרעכצט, מענשען, אייגענע אדער פרעמדע, קלייבען זיך ארום איהם. מען העלפט איהם מיט וואס מען קען. מען ברייננגט איהם א חיים אדער אין א האספיטאל. מען פאדעט ארום איהם, מען קורירט איהם און ער ווערט מיט מזל געזונד. עס טהוט איהם הנאה און אייך אלע ארומיגע.

כאפט אבער אן, אז מיין ר' טודרוס איז קראנק געווארען פון „פאקען", אדער פון דיא „אזיאטישע כאלערא", אדער פון „פעסט" (טשומא) — און גוטע מענשען האבען דאס ארום איהם געפארעט און איהם געהאלפען, און איהם געהיילט — דעמאלט קומט פאר עפעס א מאדנע זאך. נעמליך: א גרויסע טהייל פון דיא ארומיגע מענשען ווערען אויך קראנק מיט דער זעלביגער קראנקהייט וואס אונזער ר' טודרוס האט געהאט.

זעהען מיר אז עס איז א גרויסער חלוק צו א פערשוין איז קראנק פון אפענדיסיטיס, רעמאטעס, שכרות, אדער חס ושלום פון פאקען, כאלערא און פעסט. און דער חלוק בעשטעהט אין דעם דאס פאקען, כאלערא און פעסט זיינען „קלעפיגע" קראנקהייטען, אנשטעקענדע קראנקהייטען, קראנקהייטען וואס מען נעהמט זיך אן פון דעם קראנקען, ווען מען שטעהט נור אין זיינע ד' אמות.

וואס זשע איז דאס אזוינעס אן אנשטעקענדע קראנקהייט? וויא אזוי קען דיא קראנקהייט אריבערגעהן פון קראנקען צום געזונדען מענשען?

דער מדרש רבה זאגט עפעס אוואו, אז דער רבונו של עולם איז מפרנס אלע חיות „מקרני ראם עד בצי כינים", פון דיא הערנער פון דעם בופלאקס ביז דיא אייעלעך פון לייז, מיט רעספעקט צו מעלדען, דאס מיינט אויף עברי טייטש, אז דער „ראם" איז דיא גרעסטע חיה אויף דער וועלט און דיא „בצי כינים" זיינען דיא קלענסטע לעבעדיגע בעשעפעניסען.

פאר א פראסטען בשר ודם איז עס א גוט ווערטיל, אבער פאר א מדרש רבה איז דא סך הכל דא מעהר ניט וויא צוויי פעהלערן, (א חוץ דיא מעשה וועגען מפרנס זיין) ערשטענס, איז „ראם" ניט דיא גרעסטע חיה, און „בצי כינים" אודאי און אודאי ניט דיא קלענסטע בעשעפעניסע אויף דער וועלט; ווייל עס איז ניט נוגע אונזער ענין, דערפאר וועלען מיר זיך ניט פיעל פערנעהמען מיט חיות, וואס זיינען גרעסער וויא דער „ראם", דהיינו עלעפאנטען, וואלפישען, מאסטאדאנען א. ז. וו. אבער מיר מוזען זיך אביסעלע דורכשמועסען מכח חיות וואס זיינען קלענער וויא „בצי כינים".

פריהער האבען מענשען געקלעהרט, אז אלץ וואס מען זעהט, איז אלץ וואס עס איז דא, און אלץ וואס איז דא קען מען דערלאנגען מיטן אויג.

אבער א מענשענס אויג קען זעהן א זאך, וואס איז אזוי גרויס וויא א 200טעל און א 300טעל פון אן אינטש. א שארפע אויג קען פיעלייכט דערזעהען א 500טעל פון אן אינטש. על כן איז אויסגעקומען, אז אלע, לכל הפחות לעבעדיגע, זאכען מוזען זיין גרעסער וויא א 500 חלק פון אן אינטש — און קיין חיה קען ניט לעבען וואס זאל זיין קלענער פאר דעם שטה.

אַזוי איז עס געוועזן ביז אַ יאָהר 400 צוריק. אַ גלאָז־שלייפער האָט בעמערקט, אַז ווען ער שלייפט אויס אַ גלאָז אויף אַזאַ אופן אַז עס איז קיילעכדיג וויא אַ גרויסע מטבעה, גרעבער אין מיטען און דין ביי דיא ברעגעס, דאַן זעהען דורך אַזאַ גלאָז אויס דיא אותיות פיעל גרעסער וויא ווען מען קוקט אויף זיי סתם מיטן אויג. היינט ווייס דערפון יעדער קונדוס. דאַמאַלס אָבער איז עס געוועזן אַ גוואַלדיגע נייעס, און דיא אינטעליגענטע מענשען זיינען שטאַרק נתפעל געוואָרען דערפון, און פלעגען אָפט פערברייניגען פיעל צייט, בעטראַכטענדיג בלומען, גראָז, פליגען און זומער פויגעלעך אונטערן פערגרעסערונגס־גלאָז. אַזוי איז דאָס פערגרעסערונגס־גלאָז געוואָרען אַ וויסענשאַפטליכער שפיעלצייג. אָבער אין יאָהר 1675 האָט אַ געלערנטער מיטן נאמען לעווענהעק אויסגעפונען אַז אין רעגען־וואַסער, וועלכער שטעהט אָבגעדעקט אונטערן הימעל 2 — 3 טעג, כאָטש דיא וואַסער זעהט אויס ריין, קען ער פון דעסטוועגען מיט זיין מיקראָסקאָפ זעהן אין דיא וואַסער אַזוי וויא קליינע פישעלעך אַרומשווימענדיג. (מיקראָסקאָפ — מיינט אַן אינסטרומענט צו זעהען קליינע זאַכען — אַ פערגרעסערונגס־גלאַז; דערביי מוז מען אָבער מערקען אַז מיט אַ מיקראָסקאָפ קען מען בעטראַכטען נור זאַכען וואָס זיינען גאַנץ נאָהענט צום גלאָז, און וואָס שטאַרקער דער מיקראָסקאָפ, אַלץ נעהענטער מוז דיא אונטערזוכטע זאַך זיין צום גלאָז. אַ גאַנץ שטאַרקער מיקראָסקאָפ פאָדערט אַז דיא אונטערזוכטע זאַך זאָל זיין ניט ווייטער פון גלאָז, וויא אַ 12טעל אָדער אַ 16טעל אינטש, און נאָך וויניגער אויך).

ווען דיא וועלט האָט דערהערט דיא ערקלעהרונג פון לעווענהעק, האָט מען איהם פריהער אויסגערופען וואָס אין קאָרט שטעהט. נאָר ביסלעכווייז האָט מען זיך אַרומגעזעהען אַז ווען מען ריכט צו אַ מיקראָסקאָפ, גראַדע וויא לעווענהעק, זעהט מען פאָרט פישעלעך, פון פערשיעדענע פאָרמען, מיט פערשיעדענע בעוועגונגען. *)

געלערנטע האָבען גענומען ערנסט שטודירען אָט דיא דאָזיגע פישעלעך. יאָהרען זיינען פערביי.

אין 19טען יאָהרהונדערט אין איינעם מיט אַלע אַנדערע ערפינדונגען, זיינען איינגעפיהרט געוואָרען פיעלע פערבעסערונגען און אויך נייע ערפינדונגען אין דער קונסט צו בויען מיקראָסקאָפען. אנשטאַט דיא פראָסטע ברען־גלעזער וואָס האָבען פערגרעסערט 5 אָדער 10 מאָהל, העכסטענס 50 מאָהל, האָבען מיר איצטער קאָמפּליצירטע מיקראָסקאָפען, מיט פיעלע גלעזער, וועלכע פערגרעסערן 500, 1000, 5000, און אַפילו 10,000 מאָהל אויך.

מיט אַזאַ מיקראָסקאָפ אַז מען קוקט אַמאָהל אַריין אין אַ טראָפּען פליסיגקייט קען מען זעהן נאָך מעהר וויא ש׳י עולמות.

מען נעהמט אַ ריינע גלאָז, מען שיט אָן שטיקלעך אויסגעטריקענטע היי, ביז דיא גלאָז איז האַלב פול, מען דערגיסט וואַסער ביז פול. דיא וואַסער איז ריין און קלאָהר, מען שטעלט דיא גלאָז אַוועק אָבגעדעקטערהייד; אין אַ ריינעם פלאַץ. אין אַ טאָג 2 אַרום זעהט מען אַז דיא וואַסער איז אַביסעל ברוין געוואָרען, נאָך אין אַ פאָר טעג אַרום איז דיא וואַסער געוואָרען זעהר געדיכט און זייער מוטנע. וואָס איז פאָרגעקומען? האָט דיא וואַסער אַרויסגענומען דעם פאַרב פון דיא היי? מען קען אַרויסוואַשען דעם פאַרב פון בלעטלעך אָדער פון דער שעהנער ראָזע, אָבער דיא פליסיגקייט בלייבט קלאָהר ניט מוטנע, ניט געדיכט, וויא דאָ. טו וואָס זשע איז פאָרט געשעהן?

מען נעהמט אַ טראָפּען אָט פון אַזעלכע היי־וואַסער, און מען טהוט עס אַרויף אויף אַ דין גלעזעל און מען בעטראַכט עס מיט אַ מיקראָסקאָפ וואָס פערגרעסערט כאָטש 200 מאָהל וואָס זעהט מען?

ווען אַ מענש גיט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען אַ קוק אויף אַזאַ מין טראָפּען היי־וואַסער, פיהלט ער אָפט אַ שווינדלען אין דיא אויגען. ער זעהט אַ לויפעניש, היילעניס, רייסעניש, בייסעניש, רעכטס, לינקס, אַרויף און אַראָפּ איילט עס, פליסט און שטראָמט אַזוי וויא אויף אַ יאָהר־מאַרק.

אַז דאָס אויג געוויינט זיך צום קאָך און מען נעהמט בעטראַכטען איינצעלהייטען, זעהט מען, קליינינטשקע פישעלעך, שלענגעלעך, חיה׳לעך וויא פּאַסיקלעך, וויא רעדעלעך, אַנדערע גאָר וויא פינטעלעך, האַלטען אין איין שווימען און לויפען אין אַלע ריכטונגען, זיי יאָגען זיך איינס נאָך׳ן צווייטען. דאָ האָבען 2 זיך אָנגעכאַפּט אָן איין שטיקעלע היי און רייסען עס איינע פון צווייטען; דאָרטען שווימען זיך אַ פאָר פּאַמעלעך אַזוי וויא זיי וואָלטען זיך שפּיעלען, און דאָרטען אין ווינקעל האָט זיך איין גרויסער פישעלע גאָר אָבגעשטעלט אין מיטען געלאָף: וואָס דאַרף זיא געהן זוכען חיונה, זיא טהוט בע־

*) דער פעראינטערעסירטער לעזער קען געפינען דערפון פיעל אינטערעסאַנטעס אין „צוקונפט“, זייטע 78, 1904, אויך אין „צוקונפט“, זייטע 74, 1905.

סער, מיט איהרע הונדערטער פלוס־פעדערלעך רודערט זיא דיא וואסער מיט כח; דיא וואסער שטראָמט אנטקעגען איהר און מיט דיא וואסער, שטראָמט אויך אלץ וואָס שווימט אין וואסער, און אונזער פישעלע האלט אָפען דיא מויל און קלייבט אויס וואָס איהר געפעלט, מאכט א ברכה און עסט זיך געזונדערהייט.

און איהר קענט שטונדען־ווייז זיצען און בעטראכטען דיא מאָדנע חיה'לעך, מיט זייערע הויות, מיט זייערע מנהגים, מיט זייערע ליידען און פריידען, און ניט פיהלען לאַנגווייליג.

ווײלע, נור ער האָט זיך פלוצלונג אָבגעשטעלט, אָבער ער איז דאָך הונגעריג און מזונות לעבען מויל איז ניטאָ, וואָס זשע טהוט אונזער „פאַ־ראַמיזיאום“? ער שטעהט טאַקע אויף אָן אָרט, אָבער ער האַלט אין איין רודערן מיט זיינע „פלוס־פעדערן“ מיט אַלע כוחות. וואָס זשע קומט דערפון ארויס? ער מאכט א שטארקען שטראָם פון וואסער אנטקעגען זיך, די וואסער שטראָמט איהם אנטקעגען און מיט דיא וואסער, אלע חיה'־לעך און אלע שטיקעלעך היי וואָס איז אין דיא וואסער. אונזער „פאַראמיזיאום“ דאַרף נור האַל־



פיג. 1.

פיג. 1 איז א שוואכע פראָבע אויפצוצייכ־נען וואָס מען קען זעהן אין א ווינקעלע פון א טראָפען היי־וואסער אונטערן מיקראָסקאָפ.

(א) שטעלט פאָר איינע פון דיא גרעסטע חיות וואָס מען זעהט אונטערן מיקראָסקאָפ, מען רופט איהר, „פאַראמיזיום“, זיא זעהט אויס וויא אָן איי, אין אונזער היי־וואסער לויפען זיי ארום וויא דיא שדים, רעכטס, לינקס, ארויף און אראָפ, ביים שמאָלערן ברעג פון קערפער האָט ער א קנייטש, וועלכער זעהט אויס וויא מויל און אין וועלכער ער נעהמט אריין זיין שפייז. פון זיין „הויט“ ארום און ארום שטעהען ארויס טויז־זענדער קליינינקע, דינינקע שטעקעלעך, אזוי ווי דיא נאָדלען פון א יאָזש (פאַרקופאין), מעהר ניט אונזער פאַראמיזיאום האלט שטענדיג אין שי־פען זיך, רודערנדיג אָט דיא שטעקעלעך וויא א פיש שווימט מיט זיינע פלוספעדערן; (ג) איז דער זעלבער פאַראמיזיום, צו ער איז פערמאַ־טערט געוואָרען שווימענדיג, צו גלאָט פון לאַנג־

טען אָפען דיא מויל און זיינע אָפפער פליהען איהם שוין אריין, וויא געבראָטענע קאטשקעס, אין מויל אריין. פיעלייכט איז מיין צייכנונג ניט קלאָהר גענוג, בעט איך אייך 1000 מחילות אָבער דאָס איז וואָס איך האָב געוואָלט צייכענען.

(ב) ווייזט וויא א „פאַראמיזיאום“ געהט צו קינד, אָט דיא קליינינטשקע חיה'לעך, דיא ערשטע חיות (און אזוי רופט מען זיי טאַקע : פראָטאָזאָא — דיא ערשטע חיות) זיי דאַרפען זעהר זעלטען האָבען א געשלעכטליכען פער־קעהר מקיים צו זיין דיא מצוה פון פרו ורבו; ביי זיי געהט עס פראָסטער: דיא מאמע — און יעדער איינער איז ביי זיי א מאמע — דיא מאַ־מע צוברעכט זיך פאַמעלענקע אויף 2 טהיילען און ווען דיא צוויי טהיילען זיך אָפ אין גאַנצען איינע פון צווייטען, לאָזט זיך אויס אז יעדער טהייל אין ניט א האַלבער פאַראמיזיאום נור אין א פאָר מינוטען וואַקסט ער זיך אויס און ווערט א גאַנצער בעל הבית פאר זיך אליין און אין א

האלבע שעה צו אין א שעה ארום אז ער וואקסט אויס, און ווערט א שטארקער פארשוין, טהוט ער דאס זעלבע וואס זיין מאמע האט געטהאן, ד. ה. ער געהט אויך צו קינד, ער צוטהיילט זיך אויף צוויי טהיילען און יעדער טהייל בלייבט א זעלבסטשטענדיגער, לעבעדיגער נפש, און דיא גאנצע צייט פון צוטהיילען זיך, לויפט די חיה'לע ארום, עסט און שיפעלט זיך אזוי וויא אלע מאל, הפנים זיי האלטען ניט פון „בעצון תלדי בנים".

(ד) און (ה) איז אן אנדער מין חיה'לע. זיא היינגט אויף א לאנגען פאדים, מיט וועלכען זיא האלט זיך צו צו א שטיקעלע גראז, אזוי וויא מיט א האנד. זיא ציהט אויס דיא האנד לאנג, לאנג און זוכט פרנסה (ה) אז זיא געפינט וואס, אדער זיא דערזעהט א שונא, ציהט זיא דעם פאדים פלוצלונג צוזאמען אזוי וויא א שפרונדזינע און דאס דערלאנגט איהר א שלעפ כהרף עין צוריק צו איהר שטיקעלע גראז, וואס אין איהרע אויגען מוז עס אויסזעהען וויא א פעלזען;

(ו) זיינען דינינקע חיה'לעך, זעהען אויס וויא דאס דינסטע האר, צוזאמען געדרעהט וויא א שרויף און פליהען ארום וויא דיא רוחות, זיך דרעהענדיג וויא א גווינט אין וואסער.

(ח) איז א גרעסערע חיה, בעוועגט זיך מיט דיזעלביגע מינות וויא א ווארים.

(ט) זעהט אויס אקוראט וויא א שלענגעלע ווען איהר זעהט איהם זיך דרעהענדיג דוכט זיך אייך אז איהר וואלט איהם א כאפ געטהאן מיט דיא פינגער, איהר נעהמט ארויס דאס גלעזעל פון מיקראסקאפ, איהר שטריינגט אן דיא אויגען וויפיעל איהר ווילט, ניטא קיין שלענגעלע, איהר טהוט עס ווידער ארונטער אונטערן מיקראסקאפ, אהא, דער חתן בראשית איז דא מיט דיא ביינער און דרעהט זיך און קרימט זיך און יאגט זיך נאך אן איבערבייסען.

(ז) זיינען גאנץ קליינטשינקע חיה'לעך, וואס מען קען קוים זעהן מיט דיא שטארקערע גלעזער פון מיקראסקאפ. מען רופט זיי באקטעריען (וויל זיי זעהן אויס וויא שטעקעלעך) און דיא קליידעכדיגע וואס זעהען אויס וויא ניסעלעך האט מען א נאמען געגעבען קאקום (א יאגדע), נור פון דיא חיות וועלען מיר ריידען שפעטער.

אויב אנשטאט היי וועלען מיר נוצען פעפער, אדער בלעטער, אדער טרויבען, אדער וועלכע עס איז טויטע פלאנצונג, וועלען מיר קריגען דעם זעלבען סך הכל, מעהר ניט, ניט אלע מינים חיות וואס איהר קענט געפינען אין איין פלאנצונג, קענט איהר געפינען אין דער אנדערער און פערקעהרט.

נו, וואס פאסירט אז דאס וואסער טרוי־קענט אויס? שטארבען זיי אויס די אלע שבטים, פעלקער און אומות וואס מיר האבען געהאדע־וועט אין אונזער גלאז היי־וואסער?

אהן וואסער קענען זיי זיך ניט בעוועגען, און קענען אויך ניט געהן זוכען דיא אכילה, וואלטען זיי אין פלוג מוזען שטארבען אויב דיא נאטור וואלט זיי ניט געגעבען א מיטעל אריבער צו קומען דיא שלעכטע צייטען. ווען איהר קוקט אויף אזא „פאראמיזיאום", „ווערעמעל", אדער „שלענגעלע", און אין דערזעלבער צייט טריקענט איהר אויס פאמעלינקעס דעם טראפען וואסער, זעהט איהר אז וויא נור דאס טריקעניש קומט צו צום בעשעפענים, דרעהט עס זיך צוזאמען וויא א קנויל און בלייבט ליגען וויא א טויטער, וויא א נוס, אזוי קען ער אפליגען ניט עסענדיג און אהן בעוועגונג וויא א בער אין זיין הייל, אזוי ליגט דאס חיה'לע א טאג, א מאנאט אדער א יאהר, קומען אבער ווידער אן גוטע צייטען, ד. ה. נאסקייט, ביסלעכווייז דערפיהלט עס אונזער פערשלאפענע בריה, וויקעלט זיך פאנאנדער, גלייכט אויס דיא גליעדער און גיט זיך ווידער א לאז איבער זיין וועלט צו זוכען וואס צו קייען.

וואס זשע האבען מיר געלערנט?

אויף אלע פלאנצונגען געפינען זיך דיא אייעלעך פון טויזענדער פערשיעדענע שבטים פון קליינטשינקע מיקראסקאפישע חיה'לעך, וויא נור דיא פלאנצונג שטארבט, אויב עס איז דא דערביי נאסקייט, וואקסען דיזע אייעלעך אויף און ווערען דערוואקסענע חיה'לעך; זיי מעהרען זיך זעהר שנעל און זיי נעהרען זיך מיט דיא טויטע פלאנצונגען.

פארביינעהענדיג וויל איך דערמאנען, אז עס זיינען דא אזעלכע חיה'לעך וועלכע קענען אונטער בעוואוסטע אומשטענדען אנפאלען אויף א לעבעדיגע פלאנצונג אויך, דאמאלס ווערט דער עפעל, דער וויינטרויב אדער דער קארן טאקע קראנק און קען אמאהל טאקע אוועקשטארבען אויך, אבער דאס איז ווידער אן אנדער סדרה.

אבער וואס האט דאס אלעס צו טהאן מיט אויסצעהרונג? וויל דער לעזער פרעגען.

ציהט זשע מיר, ליעבער לעזער אויף נאך א ווייל'ינקע, און איך האף אז מיר וועלען בעזרת השם קומען צום סאמע פונקט וואס מיר זוכען.

לאמיר איצטער נעהמען צוויי ריינע גלעזער, זיי אנפילען מיט וואסער פון דער זעלבער היידע; איין גלאז וועלען מיר אריינשטעלען אין קאמאר און פערשליסען, און דיא צווייטע גלאז אוועקשטעלען אויפן קאמאר ווען דיא בעל־הבית'טע קעהרט דיא פאדלאגע; א פאר שעה

שפּעטער נעהמט דיא צווייטע גלאָז און שטעלט איהר אַוועק מיט דער ערשטער. נעהמט ארויס דיא גלעזער אין 3 — 4 טעג ארום, נעהמט אַ טראָפּען פון יעדען גלאָז אונטער מיקראָסקאָפּ, אין דער ערשטער וועט איהר פיעלייכט גאָר קיין לעבעדיגע וועזען ניט געפינען, אָדער זעהר ווייניג, דיא צווייטע גלאָז וועט זיין פול מיט לעבעדיגע חיה'לעך פון דעם סאָרט (ז) ד. ה. באַצילען (און אַנדער נאַמען פאַר חיות וואָס זעהן אויס וויא קליינע שטעקעלעך) און קאָקוס, ד. ה. חיות וואָס זעהען אויס רונד וויא יאַגדעס.

וואָס איז דער חלוק צווישען דיא צוויי גלעזער?

איין גלאָז האָט איהר געהאַלטען אין קאָמאָד וואו קיין שטויב איז דאָרטען ניטאָ, דיא צווייטע האָט איהר געהאַלטען אויפֿן קאָמאָד אָבגעדעקט ווען דיא בעל הבית'טע האָט געמאַכט אַ שטויב קעהרענדיג דיא הויז.

מה קה משמע לן? וואָס זשע ווייזט עס אונז? אַז אין דיא שטויב פון שטוב געפינען זיך אייעלעך, וועלכע ווען זיי פאַלען אריין אין וואַסער וואַקסען זיי אויס און ווערן באַצילען און באַקטעריען.

מיר האָבען געזעהען אַז ניט אין אַלע פּלאַנצונגען וואַקסען דיזעלבע מיקראָסקאָפּישע חיות. דאָס מיינט אַז איין חיה געפינט איהרע מזונות אין פעפער וואַסער, און אַז זיא פאַלט דאָרטען אריין איז איהר אַ גן עדן, און פערקעהרט אין היי-וואַסער בלייבט זיא נעביך הונגעריג, און פערקעהרט, איינע האָט העלטער היי-וואַסער ווי אַ לאָקשענעם קוגעל, און אין פעפער וואַסער האָט זיא גרויסע דחקות, היינט פערשטעהט זיך אַז סתם אין וואַסער טשוכענען זיך דיא חיה'לעך טאַקע אָפּ פון זייער שלאָף און שווימען ארום דיא ערשטע צייט לוסטיג, נאָר קיין גרויסע גליקען קענען זיי לאַנג דאָרטען ניט מאַכען.

זיינען דיא געלערנטע געפאַלען אויף אַ פּלאַן. דורך פערשיעדענע קונציגע כעמישע פּראָבעס האָבען זיי אויסגעוואויגען און אויסגעמאָסטען דיא אַלע מאַטעריאַלען פון וועלכע דער קערפּער פון דיא באַצילען איז געבויט, און האָבען צוזאַמענגעשטעלט אַ רעצעפּט וועלכער דאַרף אין זיך ענטהאַלטען אַלע מאַטעריאַלען, וועלכע עס איז נויטיג צו בויען זייער גוף און דיא ריכטיגע פּראָפּאָרציעס אַלעס צוגעמאָסטען און צוגעוואויגען, און זיי האָבען געוואָלט אַ צוקאָוועס, צוקוקען וואָס וועט זיין אַז מען וועט אין אַ גלאָז מיט אַזאַ מין רפואה אריינטהאָן אַביסעלע שטויב, צו וועלען טאַקע וואַקסען באַקטעריען שנעלער וויא אין פּראָסטע וואַסער, צי ניט.

כך הוה! מען האָט גענומען אַ גלאָז אָנגעגאָסען מיט דעם דאָזיגען וואַסערל און אריינגעטהאָן אַ קליין ביסעלע שטויב און אין אַ גאַנץ קורצע צייט איז דיא גלאָז פול געוואָרען מיט באַצילען.

אין אַ שטאָדט וויא נויאָרק, קענט איהר בעשטעלען אַזאַ רעצעפּט ביים בעסטען און ריינסטען אַפּטייקער און וויא פּאָרזיכטיג איהר וועט ניט זיין און וויא שנעל איהר וועט ניט צומאַכען דיא פלאַש, וועט איהר דאָך זיך באַלד ארומזעהען אַז אין אייער וואַסערל וואַקסען באַצילען.

(אויב איהר זייט צוקאָווע צו וויסען אַזאַ רעצעפּט טאָ טוט אַ קוק אין האָקסילס ספר „אַנאַטאָמי אָוו די אינווערטיבריייט" ד. ה. דער קערפּערגעבוי פון דיא חיות וואָס האָבען ניט קיין חוט השדרה) זייטע 13.

וואָס לאָזט מיר דער פסוק הערען?

אַז אין דיא לופט אין גרויסע שטעט איז אימער דאָ מעהר אָדער ווייניגער שטויב, אַז אין דעם שטויב זיינען שטענדיג דאָ אייעלעך. און אַז מען זאָל זיי נאָר געבען אַ גוטען באָדען, קענען דיא דאָזיגע אייעלעך אַלע מאָל אויסוואַקסען און ווערען באַצילען און באַקטעריען.

איצט קומט זייער אַ וויכטיגע פראַגע: פון וואָס פאַר אַ פרנסה לעבען זיי, אָט דיא באַצילען און באַקטערען? מיר האָבען געזעהען, אַז פּאַראַמיזאָס, און נאָך אַזעלכע לעבען פון געשטאָרבענע גראָז און בוימער; מיר האָבען זיך אָנגעשטויסען אָן חיהלעך וואָס פּראָבירען אויך עסען לעבעדיגע בוימער און פרוכטען, און דיא דאָזיגע בוימער און פרוכטען ווערען טאַקע ניט דאָגעדאַכט, קראַנק דערפון; פון וואָס זשע לעבען דיא באַצילען און באַקטעריען?

געלערנטע האָבען אריינגעקוקט אין דיא דאָזיגע שאלה מיט גרויס התמדה, און איבערגעלערנט און איבער געפּרובירט הונדערטער און טויזענדער מאָל, און עס איז בעוויזען געוואָרען קלאָר וויא דער טאָג, אַז זעהר פיעל שבטים פון באַצילום און קאָקוס, קענען ניט לעבען און קענען זיך ניט מפרנס זיין סיידען פון פלייש און בלוט; אַנדערע פון דיא פלייש און בלוט פון פיער פיסיגע חיות, אַנדערע דוקא פון מענשען; און ווידער אַנדערע מאַכען ניט קיין חילוק, זיי איז גוט סיי דיא בלוט פון אַ מענשען, סיי דיא בלוט פון אַנאַנדער חיה; און טאַקי וויא דיא חיות וואָס עסען פלאַנצונגען, האָט אַ יעדער האָלט דיא ראַזבאָיניקעס, דיא באַצילען און באַקטעריען, יעדער מין אַנאַנדער חלק קערפּער; אַנדערע, אַז זיי קלייבען זיך אריין אין מענשענס

קערפער בעזעצען זיי זיך אין האלדז, אנדערע אין דיא לונגען, אנדערע גאר אין דיא בלוט, און הויבען אן צו פערצעהרען יעדער דעם ארט וואס ער האט זיך בעזעצט; און א חוץ דעם, ווייל עס לעבט און גיט אב פון זיין קערפער פארשיעדענע מאטעריאלען, וואס זיינען שעדליך פאר'ן מענשען — פאר'סם'ט עס נאך פאר א צוגאב, דיא בלוט פון דעם מענשען אדער פון דער חיה אין וועמעס קערפער זיי האבען זיך בעזעצט.

און יעדער איינצעלנער פון דיא שבטים, — אט פון דיא דאזיגע באצילען, געוועגט נאך דעם אין וואס פאר א טהייל קערפער זיי בעזעצען זיך און אויף וואס פאר אן אופן זיי סם'ען דעם קערפער, ברייגען זיי אריין אין קערפער א בעזונדערע קראנקהייט יעדער איינער למינהו.

און ווייל אט דיא באצילען, ניט נאר זיי מאכען קראנק דעם מענשען, נאר זיי פארמערען זיך אויך אין קערפער מיט געוואלטיגער שנעליגקייט, און זיינען פול אויף ארום דעם מענשענס קערפער, זיין בלוט און זיין שוויים און זיין שפייעכץ א. ז. וו. דערגרייכען דיא באצילען אויך דיא אלע מענשען וואס קומען נאהענט צו דעם קראנקען, און אויב זיי געפינען א גוטען פעלד, פערפלאנצען זיי זיך אין דיא אנדערע מענשען אויך, און פארשפרייטען דיא קראנקהייט פון איינעם צום צווייטען.

דיא אלע באצילען, באקטאריען א. ז. וו. וואס קענען זיך מפרנס זיין ניט פון קרייטעכצען נאייערט פון בלוט און פלייש פון לעבעדיגע מענשען רופט מען פאטאגענישע ד. ה. אזעלכע וואס ברייגען אריין א קראנקהייט וואו נאר זיי קענען זיך בעזעצען.

אלע קראנקהייטען וואס קומען א מענשען פון דעם וואס אין זיין קערפער האבען זיך בעזעצט פאטאגענישע חיה'לעך, רופט מען אנשטעקענדע קראנקהייטען, ווייל דיא דאזיגע חיה'לעך פיללען אן דעם קראנקען מענשענס קערפער און פיללען צו א געוויסער מדרגה אן דיא לופט ארום דעם קראנקען, על כן קענען זיי לייכט זיך אויך בעזעצען אין יעדען מענשען וואס קומט צו נאהענט צום קראנקען און אזוי פערשפרייטען דיא קראנקהייט פון געזונדען מענשען צום קראנקען מענשען.

דר. מ. גירזשדאנסקי.

אדאם סמיט און זיין לעהרע

דיא גאנצע ענטשטעהונג פון דער וועלט איז צוזאמענגעזעצט פון סתרות, פון געגענזעטצע. דאס לעבען שטעהט אין געגענזאטץ צום טויט, דיא שטערבליכקייט צום געבוירענשאפט, א. ז. וו. און מערקווירדיג איז דאס, וואס דיעזע סתירות ענטוויקלען זיך איינע פון דער אנדערער. דיא צווייטע איז א פועל יוצא, א רעזולטאט פון דער ערשטער. ווען דאס לעבען הערגרייכט דיא העכסטע שטופע, הויבט עס אן צו געהן צוריק, עס פאנגען שוין אן צו זיין קענטיג דיא סמנים פון דעם לעבענ'ס גרעסטען פיינד — פון זיין ווידערשפרוך — פון'ם טויט.

דער טויט האט שוין אין גאנצען בעזיעגט דאס לעבען — פאנגט זיך אן אויף דאס נייע צו בילדען א לעבען — דיא סתירה, דער ווידערשפרוך פון'ם טויט. דיא אלע עלעמענטען, פון וועלכע דיא בעשעפענים אדער פלאנצע איז געוועזען צוזאמענגעזעצט, ווערען ווידער פעראיינט און בילדען נייע ארגאניזמען — נייע לעבענס.

דיא ענטוויקלונג פון געזעלשאפטליכען לעבען בעשטעהט אויך פון סתירות, פון רעאקציאנען הייסט עס. דיא געגענווערטיגע פעריאדע איז סותר די פערגאנגענע. די צוקינפטיגע פעריאדע ווידער וועט שטעהן אין פולען ווידערשפרוך צו דער געגענווערטיגער. און כאראקטעריסטיש איז דאס, וואס דיא דריטע פעריאדע קעהרט זיך וויעדער צוריק צו דער ערשטער ניט אין גאנצען געוועהנליך. דען אויב אזוי וואלטען מיר זיך ניט ענטוויקעלט, ניט געגאנגען ווייטער, נור מיר וואלטען זיך ארומגעדרעהט אויף איין ארט. דיא דריטע פעריאדע, קען מען זאגען, בילדעט זיך פון דיא ערשטע צוויי. דאס איז א פשרה צווישען דיא פערגאנגענע צוויי סתירות. דיא דריטע פעריאדע ירשה'ט דיא גוטע אייגענשאפטען פון דיא ערשטע און פון דיא צווייטע און דעריבער איז זיא פאלקאמענער ענטוויקעלטער.

דיעזען סדר פון ענטוויקלונג האט צום ערשטען געוויעזען דער בעריהמטער פילאזאף

העגעל. און ער טראָגט דעם נאָמען אין דער פילאָזאָפיע העגעל'ס דיאַלעקטיק. די דיאַלעקטישע ענטוויקלונג האָט ניט קיין סוף. אַלעס געפינט זיך אין שטענדיגער אונאויפהערליכער בעוועגונג. אַלעס וואָס ענטשטעהט געהט אונטער און אַלעס וואָס געהט אונטער ענטשטעהן אין אַ נייער פאָרמע אין אַ נייער מעהר ענטוויקעלטער געשטאַלט.

מיר האָבען שוין געזעהען אין פאָריגען קאַפיטעל, אַז דיא פיזיאָקראַטישע לעהרע איז געוועזען דער פאָלקאָמענער געגענזאַטץ, דיא עכ־

אדאם סמיטה.

טע סתירה פון מערקאַנטיליזמוס. אַלץ וואָס דיא מערקאַנטיליסטען האָבען געבויט, האָבען דיא פיזיאָקראַטען געוואָלט חרוב מאַכען. וואָס דער מערקאַנטיליזמוס האָט געהאַלטען פיר זעהער וויכטיג, פאַר אַ עיקר (דיא ענטוויקלונג פון אינדוסטריע און האַנדעל) האָבען דיא פיזיאָקראַטען געהאַלטען פאַר אַ טפל. דער טפל ביי דיא מערקאַנטיליסטען ווידער (לאַנדווירטהשאַפט) האָבען דיא פיזיאָקראַטען ארויפגעהויבען פאַר'ן ערשטען עיקר א. ז. וו. לויט דיא דיאַלעקטישע ענטוויקלונג האָט די אויפפאַסונג, וואָס האָט געירשה'ט דיא פיזיאָקראַטישע לעהרע, בעדאַרפט בילדען אַ העכערע ענטוויקלונגס־שטופע אין דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט, — אַזאַ מעהר ענטוויקעלטער אויפפאַסונג איז טאַקע געוועזען דיא לעהרע פון בעריהמטען שאָטלענדישען פילאָזאָף און געלעהרטען **אדאם סמיטה.**

ענדע פון 18טען יאָהר־הונדערט האָט זיך אָנגעהויבען אין ענגלאַנד אַ נייע פעריאָדע אין ענטוויקלונג פון קאַפיטאַליזמוס. דיעזע נייע פעריאָדע איז ארויסגערופען געוואָרען דורך די פיעלע פערבעסערונגען, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין דער טעכניק. אין יאָהר 1764 האָט וואַטט ערפונדען דיא ערשטע דאַמפף מאַשינע. עטוואָס שפעטער האָט אַרקראַיט ענטדעקט די ערשטע וועבערמאַשינע. ביז יענער צייט האָט מען געוועבט מיט איינפאַכע וועבערשטוהלען.

אין יאָהר 1785 האָט מען שוין וואַטס דאַמפף מאַשינע אָנגעפאַנגען צו פערווענדען אין דיא וועבערייען, וואו מען האָט געאַרבייט מיט אַרקראַיטס מאַשינעס. דיא הויכענטוויקעלטע מאַשינען האָבען געמאַכט אַ גאַנצען איבערקעהרעניש אין עקאָנאָמישען לעבען פון ענגלאַנד. דער קאַפיטאַליזמוס האָט זיך ריעזיג שנעל אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען. יעדער אונטערנעהמער האָט

געזוכט איינצופיהרען דיא נייע מאשינען כדי אויסצוהאלטען דיא קאָנקורענץ און צו האָבען דיא מאכט אויפ'ן וועלט מארק. דיא גרויסע אינדוסטריעלע זיינען געוואָרען דער בעדייטענדעסטער קלאַס אין דער געזעלשאַפט. אָבער זייערע אינטערעסען האָבען זייער פיעל געליטען פון דיא מערקאַנטיליסטישע בעגרענצונגען, וואָס האָבען נאָך ניט קוקענדיג אויף דיא פיזיאָקראַטישע לעהרע, זעהר געהערשט אין דער געזעלשאַפט. עס איז דעראיבער קיין וואונדער ניט, אז דיא בעפרייאונגס־בעוועגונג, וואָס דיא פיזיאָקראַטען האָבען אָנגעהויבען צו פיהרען אין פראַנקרייך, האָט זיך אויסגעבילדעט אין א סך א גרעסערע סיסטעמאַטישע מאכט אין ענגלאַנד, וואו די אינדוסטריע איז געווען א סך שטאַרקער, איידער אין דיא איבעריגע לענדער. אין ענגלאַנד האָט מען מעהר, וויא אומעטום געפיהלט דעם שווערען לאַסט פון מערקאַנטיליזמוס. דיא אַלטע ווירטהשאַפטליכע גרענצען זיינען געוואָרען אונגעהייער ענג. דער געדאַנק האָט געזוכט א נייעם אויסגאַנג, א נייע וויסענשאַפטליכע סיסטעם, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דיא אינטערעסען און בעדירפניסען פון'ם גרויסען קאַפּיטאַל. און דיעזע אויפגאַבע האָט ערפילט אדאם סמיטה.

אדאם סמיטה איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1723 אין א קליינע שאָטלענדישע שטעדטעל קירקאַלדי, ניט ווייט פון עדענבורג. זיין פאָטער האָט ער ניט געקענט, ער איז געשטאָרבען ווען דיא מוטער איז נאָך געווען מיט איהם שוואַנגער. ביז 14 יאָהר האָט סמיטה זיך געהאָדעוועט אין דער היים אונטער דער אויפזיכט פון זיין מוטער, מיט וועלכער ער האָט זיך ניט געשיידט ביז אין טיפען עלטער. דיא מוטער האָט געשפּיעלט א אונגעהייערע גרויסע ראָלע אין סמיט'ס לעבען. שטענדיג מיט זיין מוטער צוזאַמען אונטער איהר ווירקונג, האָט סמיט פון איהר געירשה'ט אלע ווייכע פרויען מעלות. דער גרויסער עקאָנאָמיסט, וועלכער האָט זיך בעשעפטיגט מיט דיא ערשיינונגען, וואָס קומען פאָר אין דער קאַלטער און טרוקענער מלוכה פון קאַפּיטאַל, וואו עס בלאָזט דער אייז קאַלטער טרוקענער און אייביגער חשבון אין שפּאַרזאַמקייט, וואו עס הערט זיך דער ניט עסטעטיישער קלונג פון דיא מטבעות — דיעזער עקאָנאָמיסט איז בטבע געווען א בעל דמיון, א איינזאַמער מענש מיט א ווייכע עדלע פרויען־נשמה. ער האָט געלעבט אָבגעזונדערט פון דער ארומיגער וועלט, אין א פערוואָרפענעם ווינקעל און האָט זיך רוהיג בעשעפטיגט מיט זיינע שווערע וויסענשאַפטליכע אויפגאַבען. דעם טאַראַראַס, דעם „הוהא" פון'ם גרויס שטעדטישען לעבען האָט סמיט ניט פערטראָגען. זיין אידעאַל איז געווען — דאָס שטילע דאָרפּישע לעבען. אין קיין צווייג פון דער וויסענשאַפט געפינען מיר ניט אזוי פיעל מענשען מיט אזא גרויסע שאַפונגס־קראַפט, מיט אזא ברייטע אונבעגרענצטע פאַנטאַזיע, וויא צווישען דיא עקאָנאָמיסטען, וועלכע בעשעפטיגען זיך דוקא מיט'ן איינפאַכען וואָכעדיגען לעבען. אין איינער פון אזעלכע אמת'ע פּאָעטען אין קעניגרייך פון געדאַנקען — זאָגט זיין ביאָגראַף — איז געווען אדאם סמיט. אדאם סמיט איז ניט געווען קיין קינסטלער אָבער יעדענפאַלס האָט ער ניט געקוקט אויף דיא וועלט מיט דיא אויגען פון א בערזען־שפּעקולאַנט."

14 יאָהר אלט איז סמיט אָנגעקומען אין אוניווערזיטעט אין גלאַזגאָ, וואו עס האָבען בעזאָנדערס אויף איהם געווירקט דיא פּאַרלעזונגען איבער מאָראַל־פילאָזאָפיע. אין 3 יאָהר ארום, ווען ער האָט געענדיגט דעם קורס אין גלאַזגאָ, איז סמיט איבערגעגאַנגען אין אָקספאָרד, וואו ער האָט זיך גענומען שטודירען טעאָלאָגיע („אלהות", געטליכקייט), ווייל ער האָט געמיינט צו ווערען א גייסטליכער. שפּעטער, ווען סמיט איז בעקאַנט געוואָרען מיט'ן בעריהמטען פילאָזאָף דוד יום און די איבריגע געלעהרטע פון דיעזער פרייער ריכטונג, האָט זיך אָבגעזאָגט פון טעלאָגיע און האָט אָנגעפאַנגען ענערגיש צו לערנען מאָראַל און פּאָליטישע וויסענשאַפטען. ענדיגענדיג דעם קורס אין אָקספאָרד, האָט זיך סמיט צוריקגעקעהרט אין זיין היימאַטה און האָט אָנגעפאַנגען צו פיהרען א גאַנצע רייהע עפענטליכע פּאַרלעזונגען איבער ליטעראַטור. דיעזע פּאַרלעזונגען האָבען געהאַט אזא ערפאָלג, דאָס אין יאָהר 1751 האָט גלאַזגאָ'ער אוניווערזיטעט איהם איינגעלאַדען אלס פּראָפעסאָר פריהער איבער לאָגיק — שפּעטער אויף דעם שטול פון פילאָזאָפיע. 12 יאָהר איז סמיט דאָרט געווען פּראָפעסאָר. דאָס איז געווען דיא וויכטיגסטע צייט אין זיין לעבען. אין דיעזער צייט האָט ער אונערמיעדליך געאַרבייט איבער זיינע ווערקע. זיין ערשטע ארבייט — דיא טעאָריע פון מאָראַל, איז ערשיענען אין 1759. דיעזעס ווערק האָט געמאַכט א אונגעהייער גרויסען איינדרוק אין יענער צייט, עס איז געוואָרען אין דער וועלט זייער פּאָפּולער, מען האָט דאָס איבערזעצט אויף פיעלע אייראָפּעאישע שפּראַכען. אין יענער פּעריאָדע איז סמיט אויך נעהנטער בעקאַנט געוואָרען מיט א מאַן, וועלכער האָט געהאַט זעהר א גרויסע ווירקונג אויפ'ן יונגען פּראָפעסאָר, דיא בע־

ציהונגען צווישען יום'ן און סמיט'ן זיינען געווען אזוי, וויא צווישען א לעהרער און זיין ליעבסטען שילער, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס אלס עקאנאמיסט איז סמיט געשטאנען אונפערגלייכליך העכער פון יום'ן. יום'ס ווערק איבער פאליטישע עקאנאמיע זיינען שוין לאנג פערגעסען און סמיט'ס גלאנץ און אויטאריטעט איז נאך ניט פערדונקעלט געווארען.

אין דער צייט, ווען סמיט האט געלעבט אין דארף און געפיהרט א איינזאמען לעבען און האט פון זיך גאר ניט געלאזט הערען, שרייבט איהם איינמאל יום אין א פריינדליכען בריעף: „איך וויל וויסען, וואס איהר האט געטהאן דיא גאנצע צייט, איך בין בעשלאסען צו פאדערן א פאלקאמענעם דין וחשבון פון דעם, וויא איהר האט זיך בענוצט מיט אייער צייט און איינזאמקייט. איך בין זיכער, אז איהר האט געמאכט זעהר פיעל טעותים אין אייער דענקען, איבערהויפט אין יענע פעלע, ווען איהר האט געהאט דאס אונגליק ניט מסכים צו זיין מיט מיר.“ איינינגע יאהר שפעטער שרייבט יום ווייטער: „איך נעהם ניט אן אייערע טענות אין פערטהיידיגונגען, דאס איהר זיינט שוואך אין געזונד. איך בעטראכט דאס נור פאר א אויסרייד, וועלכען אייער פוילקייט און אייער תאוה צו איינזאמקייט האבען אייך דיקטירט. אין אמת'ן, מיין ליעבער סמיט, ווען איהר וועט זיך אבלאזען און אונטערגעבען זיך אזעלכע פערשיעדענע סארטען שוואכקייטען, וועט איהר ענדיגען דערמיט, וואס איהר וועט אין גאנצען צורייסען דעם בונד מיט דער מענשליכער געזעלשאפט, און דאס וועט זיין א גרויסער אונגליק פאר ביידע צדדים.

אין דיעזע בריעף זעהט מען קלאהר ארויס דעם אונטערשיעד צווישען דיא ביידע כאראקטערען. יום איז געוועזן א ענערגישער אונערשראקענער קעמפפער, א'שטארקע נאטור, וועלכע האט געקענט הערשען איבער אנדערע מענשען. סמיט, אין געגענטהייל, איז געוועזן א ווייכער, א אונענטשלאסענער, א ציטערנדיגער. ער האט ניט געהאט קיין העלדענמוטה פון דיא גרויסע מענער. ער האט שטענדיג געצווייפעלט אין דער פערווירקליכונג פון זיינע אייגענע איהם טהייערע אידעען.“ ער איז אבער געוועזן א עדלע נאטור. — זאגט דער דערמאהנטער ביאגראף — דער מענשליכער גליק איז שטענדיג געוועזן דער איינציגער ליכטענדער זייל, צו וועלכען דער גרויסער עקאנאמיסט האט געשטרעבט און געטרעטען זיין לעבענס וועג. ניט רוהם, ניט כבוד, ניט דער חשק צו ווערען פאפולער, ניט דאס וועלען אויסנעהמען ביי גרויסע און וויכטיגע מענער, ניט דער קלאסען־עגאאיזמוס — קיין זאך האט ניט פערדונקעלט זיינע געדאנקען, וועלכע זיינען שטענדיג געבליעבען ריין, אונבעשמוצט, וויא א שטראם קוואל וואסער. אלעס, וואס ער האט גערעדט, האט ער גערעדט מיט דער טיעפער איבערצייגונג, אז ער איז גערעכט. ער האט ניט ערניעדריגט דיא וויסענשאפט, זיא זאל ווערען א דיענער ביי דיא הערשענדע קלאסען, וויא עס האבען אפט געטהאן זיינע אנהענגער און תלמידים. נאך די ערהאבענהייט, קלאהרהייט און הארמאניע פון זיין גייסט דערמאהנט סמיט דיא אלטע חכמים פון גריעכענלאנד.“

נאך ווען סמיט האט געלערנט אין גלאזגא'ער אוניווערזיטעט האט ער זיך אנגעפאנגען צו אינטערעסירען מיט דער גייסטיגער בעוועגונג, וואס האט זיך בעוויעזען מיט אזא מעכטיגע קראפט אין פראנקרייך און האט אויך געפונען א אבקלאנג אין ענגלאנד ענדע 18טען יאהרהונדערט. אלע גייסטיגע קרעפטען פון דער געזעלשאפט האבען זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון דער נייער פיזיאקראטישער לעהרע. אדאם סמיט האט זיך אנגעהויבען צו קאררעספאנדירען מיט דיא וויכטיגסטע פארשטעהער פון דיעזער ריכטונג און האט שטארק נאכגעשפיערט דיא ענטוויקלונג פון דיעזער טהעאריע. אין יאהר 1763 האט איהם א פראנצויזישער אריסטאקראט איינגעלאדען צו זיך אלס א לעהרער פאר זיינע קינדער. סמיט איז געוועזן זעהר צופריעדען מיט'ן גוטען צופאל, וועלכער האט איהם געגעבען דיא מעגליכקייט אליין צו זיין אין פאריז און פערזענליך בעקאנט צו ווערען מיט קענע, טאגא און אנדערע פארשטעהער פון דיעזער לעהרע, צו וואס ער האט שוין לאנג געשטרעבט. אין יאהר 1766 האט זיך אדאם סמיט אומגעקעהרט צוריק אין ענגלאנד, וואו ער האט פערבראכט 10 יאהר אין זיין געבורט־שטעדטיל קירקאלדי. דיעזע 10 יאהר האט סמיט געלעבט אבגעזונדערט פון דער געזעלשאפט און אונאונטערבראכען געארבייט איבער זיין בעוואוסטען ווערק „דיא פעלקער־רייכטהום“. אין 1776 איז דיעזעס ווערק ערשיענען. ביים ערשטען מאל האט דאס ווערק ניט געמאכט אזא גרויסען איינדרוק, וויא זיינע פאריגע ארבייטען. אבער יום איז געוועזן זעהר גערעכט, ווען ער האט בעהויפטעט, אז דער ערפאלג פון „דיא פעלקער רייכטהום“ איז ניט א אייגענבליקליכער נור א עביגער. שפעטער מיט צוויי יאהר האט סמיט בעקומען א שטעלע אלס א אויבער בעאמטער איבער דיא צאהלאמטען (א נאטשאלניק פון דיא טאמאזשניעס)

אין שאָטלאַנד. דיעזע שטעלע, וועלכע האָט פערזאָרגט דיא אַלטע יאָהרען פון געלעהרטען, האָט אַוועקגענומען זעהער פיעל צייט און אדאַם סמיט האָט שוין ניט געהאַט דיא מעגליכקייט איבערצוגעבען זיך מיט אַזאַ חשק און התמדה צו זיינע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען. פון יאָהר 1778 ביז 1790 האָט ער זיך נור בעגנוגענט דערמיט, וואָס ער האָט זיך בעשעפטיגט מיט דיא צווייטע אויפלאַגע פון זיינע ווערקע. אדאַם סמיט איז געשטאָרבען אין יאָהר 1790 ניט איבערלאָזענדיג נאָך זיך קיין פרוי און קיין קינדער.

2.

אַלס א פאָרשטעהער פון דער צייט, ווען גרויס־קאַפּיטאַל האָט זיך אָנגעהייבען צו ענטוויקלען און אלס א תלמיד פון די פיזיאָקראַטען איז אַדאַם סמיט געוועזן דער שטאַרקסטער געגנער פון די אפּטרופּסות און געגען דעם אריינמישען זיך פון דער רעגיערונג אין דיא פּריוואַטע־אינטערעסען. „יעדער אינדיווידואום מוז זיין פריי אין זיינע האַנדלונגען" — אָט דאָס איז דער תוך פון אדאַם סמיט'ס אנשויאונג. דיא פראַגע איז אָבער געוועזן: וויא באַלד אַז יעדער יחיד, אָדער אינדיווידואום זאָל טהון, וואָס ער וויל און קיינעם ניט פרעגען — טאָ וויא וועט פעסטגעהאַלטען ווערען די אָרדנונג, ווי וועט בעשאַפען דיא האַרמאָניע אין דער געזעלשאַפט? דיא מערקאַנטיליסטען האָבען טאַקע דעריבער געזאָגט, אז מען טאָן ניט לאָזען יעדען פריי און פראַנק האַנדלען, עס קען ווערען א הפקר־וועלט, דיא רעגיערונג, דער בעל־הבית אין דער מדינה דאַרף אויפפאַסען, דאָס יעדער יחיד זאָל טהון, וואָס און וויא מען הייסט איהם, אָבער ניט, ווי ער וויל — דאס איז לויט די מערקאַנטיליסטען דער בעסטער מיטעל אָבצוהאַלטען דיא געזעלשאַפט פון א אַנאַרכיע, פון א מישמאַש. די פיזיאָקראַטען ווידער האָבען אונז געלערנט, אז דיא נאַטור אליין וועט שוין דיא אָרדנונג פערשאַפען, ווייל אויך אין געזעלשאַפטליכען לעבען רעגיערען דיא זעלבע נאַטירליכע געזעצען, וויא אין דער אויסערליכער נאַטור. דיא מערקאַנטיליסטען צוזאַמען מיט די מיטעל־אַלטערדיגע פאַנאַטיקער האָבען געמיינט, אַז דער מענש איז בטבע שלעכט (עיר פרא אדם יולד) און ווען דיא רעגיערונג זאָל ניט אויפפאַסען אויף איהם, ניט איינהאַלטען, איהם ניט פערצוימען דורך פערשיעדענע געזעצען, וועט ער נור שאַדען בריינגען דער געזעלשאַפט. דיא פיזיאָקראַטען, פערקעהרט, האָבען בעהויפּטעט, אַז דער מענש ווערט געבוירען א גוטער מיט גוטע מדות, און ווען מען זאָל דעם מענשען לאָזען זיך ענטוויקלען פריי, לויט זיינע נאַטירליכע אייגענשאַפטען, וועט זיין זעהר גוט פאַר'ן גאַנצען כלל. אדאַם סמיט איז אָבער ניט געוועזן איינשטימיג מיט דיא ערשטע אַזוי אויך מיט דיא צווייטע, אָדער בעסער, ער האָט מסכים געוועזן אביסעל מיט דיא ערשטע, אביסעל מיט דיא צווייטע. „ניט דיא רעגיערונג, אויך ניט דיא גוטע מדות פון מענשען — בעהויפּטעט אדאַם סמיט — קענען דיא האַרמאָניע אין דער געזעלשאַפט שאַפען." „דיא האַרמאָניע אין דער געזעלשאַפט ווערט בעשאַפען נור דורך דיא אונבעגרעניצטע פרייע ארבייט פון יעדען יחיד בעזונדער". די בעוועגער, די טרייבקראַפט — איז דער קאַמפף אום'ס דאזיין, וואָס יעדער מענש פיהרט, אָדער, ווי אדאַם סמיט אליין רופט דאָס, — „דער פערזענליכער עגאָאיזמוס." יעדער מענש שטרעבט אויסצובעסערען זיין לאַגע. אין אלע זיינע עסקים, וואָס דער מענש פיהרט, מאַטערט ער זיך צו האָבען וואָס מעהר נוטצען און פערווענדען דערביי, וואָס וועניגער אַרבייט. לעבענדיג שטענדיג מיט אַזאַ רעכנונג, קלייבט דער מענש אויס אזעלכע פראָדוקציאָן'ס מיטלען, דורך וועלכע זיין אַרבייט און קאַפּיטאַל זאָל איהם געבען מעהר הכנסה. כל זמן דיזע פראָדוקציאָן'ס מיטעל זיינען ניי, גוט און בריינגען פרוכט, האַלט ער זיי, ווערען זיי אלט, אָדער, ווען עס ווערען ענטדעקט נייע פראָדוקציאָנו'ס־מיטעל, פון וועלכע מען קען מעהר נוטצען האָבען — פיהרט דער מענש איין דיא נייע אויסגעבעסערטע מיטלען און געצייג. אין מסחור האַנדעלט אויך דער מענש מיט אויסרעכנונג. דער מענש ווענדעט אָן אַלע מיטלען צו פערקויפען זיינע סחורות פאַר אַ גרעסערען מקח און, פערקעהרט, קויפען וואָס וועלוועלער. דיא אייגענע זאַך קומט פאָר צווישען אונטערנעהמער און אַרבייטער. דער אַרבייטער וויל בעקומען א בעסערן לוין פיר זיינע ארבייטס־קראַפט און זוכט זיך אויס אַ ריינע אונטערנעהמער. די אונטערנעהמער, ווידער, סטאַרען זיך צו בעקומען וואָס מעהר ארבייט'ס קראַפט פאר א קליינעם לוין. מיט איין וואָרט, וואו מיר זאָלען זיך ניע ווענדען, וועלען מיר זעהען, דאָס אויב דער מענש האָט דיא פרייע־וואהל און איז ניט בעגרעניצט מיט פערשיעדענע געזעצען, וועט ער זיך שוין אליין אויסקלייבען פאר זיך דעם בעסטען און בעקוועמסטען וועג אין לעבען. און וויבאַלד — מיינט ווייטער סמיט — אַז יעדער מענש, פאָלגענדיג זיינע פערזענליכע אייגענע אינטערעסען, געפינט דיא בעסטע בעקוועמליכסטע מיטלען, ווי צו פיהרען דעם קאַמפף אום'ס דאזיין — איז

שוין דאס ממילא א גליק פאר'ן גאנצען כלל. אונז קימערט ניט, אויב דער מענש, האנדלענ־דיג מיט א קלאהרען רעכנונג, מיינט טאקי אין אמת'ן דאס לטובת הכלל. דער רעזולטאט איז אבער, אז דורך דעם, וואס דער מענש סטארעט זיך צו בעפריעדיגען זיינע אייגענע בעדירפני־סען מיט וויא מעגליך א קלענערע מאס ארבייט, פיהרט ער איין נייע מאשינען, נייע אינסטרו־מענטען, זוכט אויס נייע מערק, וואו צו פער־ווענדען זיינע סחורות א. ז. וו. דיא איבעריגע אונטערנעהמער און סוחרים, אויב נור זיי ווילען ניט פאלען אלס קרבן פון דער קאנקורענץ, זיי־נען געצוואונגען דאס נאכצוטהון. און דערוייל קומט אויס, אז דיא גאנצע געזעלשאפט בעסערט אויס דיא מיטלען צום קאמפף מיט דער נאטור, זיא פראגרעסירט. די קאנקורענץ רעגולירט בעסער פאר'ן געזעטץ־געבער דיא בעציע־הונגען צווישען מענשען און דער געזעל־שאפט. אלס א ביישפיעל בריינגט סמיט דיא צוטהיילונג דער ארבייט. אלעמען איז בעוואוסט — זאגט סמיט — אז דיא צוטהיילונג פון דער ארבייט איז איינע פון דיא גרעסטע גליקען פאר דער געזעלשאפט, דען דורך דיא צוטהיילונג פון דער ארבייט שאפט דיא געזעלשאפט א סך מעהר סחורות, וויא פריהער. דיעזעלבע מאס ארבייט איז איצט א סך מעהר פראדוקטיוו, בריינגט מעהר איין. און דיעזע צוטהיילונג אין דער ארבייט איז פארגעקומען ניט דורך דעם, וואס דיא רעגיערונג האט זיך אריינגעמישט, נור ווייל יעדער אונטערנעהמער איז נאך זיך אויסען געווען, ער האט געוואלט נור זיך פערזארגען. ווען דער פאבריקאנט פיהרט איין א נייע מאשינע, האט ער ניט אין זינען דיא געזעלשאפט, ער איז ניט אויסען דיא נוט־צען פון דער געזעלשאפט, ער האנדעלט דא עכט עגאאיסטיש, ער מיינט נור זיינע אייגענע נוט־צען. אבער ניט קוקענדיג אויף דאס אלעס, האט ממילא אויך דערפון נוטצען דיא גאנצע געזעל־שאפט.

דער פרייער טויש איז אויך — לויט אדאם סמיט — א וויכטיגע קראפט, וואס בעוועגט פארווערטס דיא מענשליכע ווירטשאפט. „דער מענש נויטהיגט זיך שטענדיג — זאגט סמיט — אין דער הילף פון אנדערע מענשען, אבער אומ־זיסט וואלט זיין ארבייט זיין, ווען ער וואלט זיך פערלאזען נור אויף דיא גוטהערציגקייט פון צווייטען..... — „גיב מיר דאס, וואס מיר איז נויטיג, און דוא וועסט בעקומען, וואס דיר פעהלט“ — אזוי האנדלען צווישען זיך דיא מענשען.“ מיר בעקומען אלע נויטהיגע פרא־
שוסטער און שניידער זיינען גוטהערציג, זיינען

דוקטען : ברויט, פלייש, שטיוועל, קליידער א. ז. וו. ניט דערפאר, ווייל דער קרעמער, קצב, אויסען אונזער טובה, זאנדערן דערפאר, ווייל זיי זיינען אויסען זייער אייגענע טובה. ווען מיר בעשטעלען פאר אונז דיא נויטהיגע פרא־דוקטען, ווענדען מיר זיך ניט צו זייער גוט־הער־ציגקייט־געפיהלען; מיר ווענדען זיך נור צו זייע־רע עגאאיסטישע אייגען־נוטציגע געפיה־לען. ווען מיר קויפען ביי זיי וואס עס איז, ריידען מיר ניט פון אונזער נויטה, פון אונזערע בעדירפניסען, נור פון זייערע נוטצען, און דיזע אויסרעכנונג, דיזע פריוואט עגאאיסטישע אינטערעסען — האט זיי זיינען דיא הער־שער, וועלכע מאכען דיא ארדנונג, די האר־מאניע אין דער גאנצער געזעלשאפט. און דעריבער פאדערט סמיט פאר יעדען יחיד די פאלקאמענע אונבעשרענקטע פרייהייט, „ווייל — זאגט סמיט — יעדער איינציגער מענש וויים בעסער, וואס פאר איהם איז גוט, וויא א וועל־כער עס איז ניט שטאאטס־מאן און געזעטץ־געבער.“ „יעדער שטאאטס־מאן, וועלכער וואלט זיך בעמיהט צו ווייזען פריוואט מענשען וויא און וואו זיי זאלען פערווענדען זייערע קאפי־טאלען, וואלט אויסער דעם, וואס ער וואלט זיך בעשעפטיגט מיט א אונניטציגע זאך, זיך נאך גענומען אהן א שום רעכט אזא מאכט, וואס איז א אונזין, ערלויבען ניט נור איין איינציגען מענ־שען, נור אפילו א גאנצען ראטה אדער סענאט.“ „יעדער מענש — זאגט אין אנאנדער ארט אדאם סמיט — כל זמן ער איז ניט עובר דיא געזעצען פון גערעכטיגקייט, האט אונבעדינגט דאס רעכט צו געהן דעם וועג, וועלכען זיינע פערזענליכע אינטערעסען ווייזען איהם אן“. די רעגיערונג האט נור צוערפילען 3 פפליכטען. ער־שטענס, מוז זי בעשיצען די גאנצע געזעלשאפט פון יעדען געוואלט־טהאט, ווען אנאנדערע אונ־אבהענגיגע געזעלשאפט פאלט אויף איהר אן. צווייטען'ס מוז דיא רעגיערונג בעשיצען יעדען איינציגען מיטגליעד געגען פערשיעדענע אונ־רעכט און געוואלט וועלכע אנאנדער מיטגליעד ערלויבט זיך און דארף איינפיהרען א עהרליכען אונפארטייאישען געריכט; דער 3טער חוב פון דער רעגיערונג בעשטעהט אין דעם איינצוארד־נען און אונטערצוהאלטען אזעלכע געזעלשאפט־ליכע אונטערנעהמונגען און אנשטאלטען, וועל־כע קענען ניט אויסגעהאלטען ווערען אויף'ן רעכנונג פון איינעם אדער פון א סך איינצעלנע מענשען.“ קיין אנדערע חובות און ממילא אויך רעכטע האט דיא רעגיערונג ניט.

אדאם סמיט איז אויך געווען געגען דעם, אז דיא רעגיערונג זאל ארויסגעבען געזעצען צו

בעשיצען דעם ארבייטער־קלאס פון עקספּלאָאטאציע. אָבער דאָס איז ניט געווען דאריעבער, ווייל ער האָט נור אויסגעדריקט און פארמולירט דיא אינטערעסען פון דיא אינדוסטריעלער, און האָט זיך ניט בעקימערט וועגען ארבייטער־קלאס, פערקעהרט, אדאם סמיט איז באמת געווען א עכטער פריינד פון דיא ארבייטער. ער איז שטענדיג געווען שרעקליך אויפגערעגט, ווען מען פלעגט נור וועלען זיי בעגרעניצען זייערע רעכטע. ער האָט געקעמפפט געגען דיא פערשיעדענע אָבמאכונגען און פעראיינען, וועלכע דיא אונטערנעהמער פלעגען גרינדען כדי צו מאכען שוועריגקייטען דיא ארבייטער בנוגע זייער לוין און אנדערע ארבייטער בעדינגונגען. „דאָס הייליגסטע רעכט אויף אייגענטהום — זאָגט סמיט מיט א טיעפער איבערצייגונג — איז דאס רעכט אויף אייגענע ארבייט... דער גאנצער פערמעגען פון אָרעמען בעשטעהט אין זיין כח און געשיקטקייט; שטערען דעם ארבייטער צו געברויכען זיין כח און געשיקטקייט אזוי, ווי איהם, דעם ארבייטער, געפעהלט, אויב נאָר ער קען דעם 2טען ניט שאדען דערמיט, איז א איינפאכע אָפענע געוואלט־טהאט איבער דיזע היילינע אייגענטהום רעכט." אדאם סמיט איז געווען א געגנער פון צו בעגרעניצען דיא קאפיטאליסטען זיי זאָלען ניט עקספּלאָאטירען און אויסנוצען דעם ארבייטער קלאס, ווייל ער איז געווען איבערצייגט, דאָס אין דיא אינטערעסען פון'ם ארבייטער־קלאס, איז אז די קאפיטאליסטען זאָלען זיין אין גאנצען פריי אין זייערע אונטערנעהמונגען.

מיר מוזען בעמערקען, אז אדאם סמיט האָט געלעבט אין דער צייט, ווען דער ענגלישער קאפיטאל האָט זיך נאָר אנגעהייבען צו ענטוויקלען. דיא ענגלישע קאפיטאליסטען האָבען ניט נור געהאט דעם ענגלישען מארק, זיי האָבען אויך געהערשט איבער'ן גאנצען וועלט־מארק. אלע לענדער האָבען זיך געווענדעט אין ענגלאנד נאָך סחורות. יעדער טאָג האָט זיך געעפענט נייע אונטערנעהמונגען. דיא נאכפראגע נאָך ארבייטער איז געווען זעהר גרויס. ארבייטער זיינען נאָך איבערהויפט געווען ווייניג, ווייל דער קליין־בעטריעב האָט נאָך פערנומען א געוויסען פּלאטץ אין'ם לאנד, דיא קאָנקורענץ צווישען ארבייטער איז ניט שטארק געווען; פון א רעזערוו־ארמעע, וואָס זיצט שטענדיג אָהן ארבייט און קאָנקורירט מיט דיא פערנומענע ארבייטער איז נאָך קיין רייד ניט געווען. דער לוין איז פערהעלטניסמעסיג געווען א גוטער, א סך גרעסער ווי אין די לענדער, וואו דער קאפיטאליזמוס האָט זיך נאָך ניט אזוי ווייט ענטווייקעלט, און וואו דיא גרויסע אינדוסטריעלער האָבען נאָך ניט געשפּיעלט אזא ראָלע. דער ארבייטס־טאָג און דיא איבעריגע ארבייטס־בעדינגונגען זיינען אויך ניט געווען אזוי שלעכט. מיט איין וואָרט, עס איז נאָך ניט געווען אזוי קענטיג דער געגעזאץ צווישען ארבייט און קאפיטאל, און דעריבער איז גאנץ פערשטענדליך, אז סמיט איז געווען זעהר צופרידען מיט אזא אָרדנונג ניט נור אין דיא נוצען פון דיא קאפיטאליסטען, נור אויך אין דיא אינטערעסען פון דיא ארבייטער. איבריגענס איז סמיט געווען א געגנער, דאָס דיא רעגיערונג זאָל זיך אריינמישען צווישען דיא קאפיטאליסטען און ארבייטער, ווייל ער האָט דער רעגיערונג ניט געטרויעט אזא ראָלע. ווען ער וואָלט געוואוסט, אז דיא געזעצען וועלען נור זיין אין דיא אינטערעסען פון דיא ארבייטער, וואָלט ער ניט געהאט געגען דעם. „שטענדיג — זאָגט ער — ווען דיא געזעץ־געבעריי מישט זיך אריין אין דיא מחלוקת צווישען דיא ארבייטער און פאבריקאנטען וועט זיא, אלע מאָל פרעגען און אויסהערען דיא פאבריקאנטען. ווען מען גיט ארויס א געזעטץ אין דיא נוטצען פון דיא ארבייטער, איז עס ריכטיג און קלוג; אָבער ניט זעהר זעלטען איז דיא גאנצע געזעצגעבונג נור אין דיא נוצען פון דיא אונטערנעהמער."

וואָס עס איז שייך דער פראגע איבער דיא קוועלע פון רייכטהום ביי פערשיעדענע פעלקער בילדעט סמיט'ס אויפפאסונג די דריטע מעהר ענטוויקעלטע שטופע קעגען דיא מערקאנטיליסטען און פיזיאָקראטען. דאָס רייכטהום פון פאָלק איז לויט סמיט'ס מיינונג אין געגענזאץ צו זיינע פאָרגענגער — דער סך־הכל פון דיא פּראָדוקטען, וועלכע שטעלען צופריעדען אונזערע בעדירפניסע. „דער מענש קען זיין אָרעם און רייך, דאָס ווענדעט זיך אויף וויפיעל ער קען צופריעדען שטעלען זיינע בעדירפניסע." ניט זייענדיג מסכים מיט די איינזייטיגקייט פון די פיזיאָקראטען און מערקאנטיליסטען בעהויפּטעט סמיט: „אז דיא רייכטהום פון דיא פעלקער ליגט ניט נור אין באָדען, אויך ניט נור אין האנדעל, זאָנדערן אין אלע זאכען, וועלכע ווערען בענוצט פאר אונזערע בעדירפניסען און פאר אונזער פערגניגען." אויף דיא פראגע איבער דיא אורזאכע, די קוועללע פון רייכטהום איז סמיט ניט איינשטימיג מיט דיא מערקאנטיליסטען, וועלכע בעהויפּטען אז דיא איינציגע קוועלע פון רייכטהום איז נור דער אויסערליכער האנדעל, ווייל ער פיהרט צו געלד אין לאנד, אויך ניט מיט דיא פיזיאָקראטען, אז דיא איינציגע קוועלע איז נור לאנדס־ווירטשאפט אָבער ניט אינדוסטרי — דיא איינ־

ציגע קוועלע פון רייכטהום איז ארבייט לערנט אונז אדאם סמיט. — יעדע נוצליכע ארבייט מעג די ארבייט פערווענדעט ווערען צום באַדען אָדער צום האַנדעל — דאָס קימערט אונז ניט. „דיא יאָהריגע ארבייט פון יעדען פאָלק — אזוי שרייבט סמיט אין זיין בעריהמטעס ווערק „פאָלקס־רייכטהום“ — איז דער קרן קימת, וועלכער שטעלט צו אלע פראָדוקטען, וואָס בעפריעדיגען אונזערע לעבען'ס בעדיפניסען.“ דער הויפט בעוועגער, דיא טרייב־קראפט אין עקאָנאָמישען לעבען איז, לויט אדאמ'ס סמיט, ניט געלד, ניט דיא קרעפטען פון דער נאַטור, נור דיא ארבייט פון מענשען. דיא ארבייט איז דער איינציגער שטאַרקער פונדאַמענט, אויף וועלכען עס איז געגרינדעט דיא געביידע, דיא גרויסקייט, דיא מאַכט פון פאָלק, ארבייט איז דיא מאַכט, וועלכע רעגיערט איבער'ן גאַנצען ווירטהשאַפטליכען ארגאַניזם. דורך ארבייט נוטצען מיר אויס דיא קרעפטען פון באָדען, און דורך אַרבייט ענטוויקלען זיך פערשיעדענע מלאכות און אינדוסטרי. פּראָדוקטיווע ארבייט, זאָגט סמיט—איז יעדע ארבייט, וועלכע ברייגנט נוטצען אונזער לעבען, סיי לאַנד־ווערטהשאַפטליכע, סיי אינדוסטריעלע.

א גוטע בעשטימונג האָט אַדאַם סמיט געגעבען אויף אויפ'ן קאַפּיטאַל. קאַפּיטאַל הייסט, מיינט סמיט—דיא סומע וואָס ווערט פערווענדעט צו בעקומען רוח. דאָס וואָס עס געהט צום אייגענעם געברויך הייסט ניט קאַפּיטאַל, ווען איך לאָז אָבער א געוויסע סומע געלד אין האַנדעל כדי צו בעקומען רוח — הייסט דיזע סומע שוין קאַפּיטאָל, דער קאַפּיטאַל בילדעט זיך לויט סמיט'ן נור דורכ'ן אבשפּארען (דיזע אנשויאונג איז ניט ריכטיג, וויא מיר וועלען האָבען דיא געלעגענהייט ווייטער זיך צו איבערצייגען—)

איינע פון אַדאַם סמיט'ס גרעסטע פערדיענסטען איז זיין ווערטה־טהעאָריע, אדאם סמיט האָט איבערצייגט, אַז דער ווערטה פון דיא סחורות איז דיא מאָס ארבייט, וואָס איז פערברויכט געוואָרען ביים שאַפען פון דעם פּראָדוקט. „אין אַלע צייטען און אין אַלע לענדער — זאָגט אַדאַם סמיט — איז געווען טהייער דאָס, וואָס עס איז שווער אָנגעקומען און וואָלוועל דאָס, וואָס עס איז לייכט אָהן אַרבייט געווען צו בעקומען.“ אַדאַם סמיט האָט אָבער געמיינט, אַז דיא מאָאס ארבייט איז ניט דער איינציגער פאַקטאָר, וואָס בעשטימט דעם ווערטה, נור דער הויפּט־פאַקטאָר, און אין דעם האָט ער זיך שטאַרק טועה געווען.

אַדאַם סמיט האָט אויך ערקלערט דיא געזעצען וועלכע רעגולירען דיא בעציהונגען אויפ'ן סחורה מאַרק — דיא נאָכפראַגע און אנבאָט פון סחורות. אָבער דיעזע טעאָריע, אויך דיא טעאָריע פון קאַפּיטאַל און ווערטה זיינען ביי אַדאַם סמיט ניט געווען ענטוויקעלט ביז צום ענדע, זיי קומען ארויס ניט קלאָהר און אַדאַם סמיטס ווערק. דיא רעכטע ענטוויקלונג האָבען דיעזע טעאָריען בעקומען אין דיא לעהרען פון קארל מארקס, וועלכער האָט שוין מעהר ארויסגעזעהן דעם כאַראַקטער פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן און איהרע ספּעציעלע אייגענשאַפטען.

אַדאַם סמיט איז בעקאַנט אין דער וויסענשאַפט, אַלס דער פאטער און דער שעפּפער פון דיא מאָדערנע פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ווייל ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט סיסטעמאַטיזירט און פאָרמולירט דיא געזעצען אין פערשיעדענע טעאָריען אין איין גאַנצע וויסענשאַפטליכע סיסטעם. אַדאַם סמיט'ס שטה ווירד אָנגערופען: „דיא אינדיווידועלע שול אין פּאָליטישע עקאָנאָמיע.“ ווייל דער יסוד פון זיין לעהרע איז דיא אינדיווידועלע פרייהייט פון יעדען מענשען.

א. ש. זאקס.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידען אין רוסלאַנד

דיא אידישע קאָלאָניזאַציאָנס געזעלשאַפט (יק„א) האָט אַרויסגעגעבען צוויי דיקע בענדער (אַן ערך פון 1000 זייטען), „מאַטעריאַלען איבער די עקאָנאָמישע לאַגע פון דיא אידען אין רוסלאַנד„. אַ טהייל פון דיא “מאַטעריאַלען„ זיינען צונויפגעקליבען דורך ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענטען פון דער יק„א, אַ טהייל איז אַרויסגענומען פון דיא אָפיציעלע סטאַטיסטישע אונטערזוכונגען פון דער רעגיערונג.

דיא “מאַטעריאַלען„ גיבען ניט קיין פאָלשטענדיגען און גענויען בילד פון דיא עקאָנאָמישע לאַגע פון דיא אידען אין רוסלאַנד. פיעל זייטען זיינען גאָר ניט באַריהרט געוואָרען. אַנדערע — נאָר אויבערפלעכליך. אָבער ניט קוקענדיג אויף דיא אַלע חסרונות זיינען דיא “מאַטעריאַלען” דערווייל דיא איינציגע קוועלע צו בעקענען זיך מיט דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דיא אידען אין רוסלאַנד.

דיא טרוקענע צאָהלען פון יענע “מאַטעריאַלען„ שילדערן אין שוידערליכע פאַרבען דעם עלענד, אַרמוטה, נויטה און דחקות פון דיא מיליאָנען אידען, וואָס זיינען צונויפגעדריקט אין דער “טשערטאַ„ וויא אין אַ שטייג. דיא צאָהלען ווייזען, אַז 79 פּראָצענט פון דער אידישער בעפעלקערונג געהערען צו דיא אַרבייטענדע קלאַסען און אַז זיי לעבען זאָגאַר אונטער שרעקליכערע אומשטענדען, וויא דיא אָרימע, פאַרהונגערטע רוסישע פּויערים.

נאָך דיא צאָהלען פון דער ערשטער רוסישער פאָלקס־צעהלונג פון יאָהר 1897, האָבען זיך דאַן געפונען אין רוסלאַנד 5,189,401 אידען. דערפון אין דער “טשערטאַ„ 4,874,636 דאָס הייסט 95 און איין זעקסטעל פּראָצענט פון אַלע אידען, וואָס לעבען אין אייראָפּעאישען רוסלאַנד. נור אַ גאַנץ קליינער טהייל פון זיי וואָהנען אויסער דיא שטעדט. דער גרעסטער טהייל (87 פּראָצענט) וואָהנט אין דיא שטעדט.

יעצט לאָמיר זעהען, וויא און פון וואָס לעבען דיא מעהרסטע אידען אין רוסלאַנד.

* * *

קודם כל לאָמיר זיך ווענדען צו דער לאַנדווירטהשאַפט. אין יאָהר 1804 איז דיא אידען ערלויבט געוואָרען צום ערשטען מאָל צו קויפען, אָדער צו דינגען ערד. שפּעטער, אונטער ניקאָלאַי דעם ערשטען, האָט דיא רעגיערונג זאָגאַר פּרובירט דורך געוויסע פּריווילעגיעס צו מאַכען אידען פאַר ערד־אַרבייטער. אָבער גלייך אין אָנפאַנג פון אַלעקסאַנדער דעם 2־טענס רעגיערונג ענדערט זיך דיא גאַנצע פּאָליטיק פון דער רעגיערונג אין דער פראַגע. מען הייבט אָן צו בעשריינקען דיא רעכטע פון אידען. אין יאָהר 1864, נאָך דעם פּוילישען מיאַטעזש, ווערט אין גאַנצען פערבאָטען פאַר אידען צו קויפען אָדער דינגען ערד אין די 9 מעריב־גובערניעס, אין דיא ראַיאָנען פון ווילנער און קיעווער גענעראַל גובערנאַטאָרען. זייט דאַן האָט דיא רעגיערונג ניט אויפגעהערט פאַר דיא אידען פון תחום און אויסער דעם תחום (טשערטאַ) צו מאַכען נייע בעשריינקונגען און שוויריגקייטען ביים קויפען און דינגען ערד אין

---

*) נאָך ל. נעמאַנאָוו און „אבראזאוואניע.“

אַליז מעהר און מעהר גובערניעס. און נאָך דיא אויסנאַהמס־געזעצע, די זאָגענאַנטע "ווערעמעננִי פּראַווילעס„ פון 1882 טאָרען דיא אידען איבער־הויפּט ניט וואָהנען אפילו אין דיא דערפער פון תחום, שוין ניט רעדענדיג וועגען קויפען אָדער דינגען ערד ביי פּריצים אָדער בויערען. פּוילען איז אין 1891 אויך אונטערגעגאַנגען אונטער דיא "ווערעמעננִי פּראַווילעס„. דיא עטליכע אַלטע אידישע קאָלאָניעס אין כערסאָנער און בעססאַראַביער גובערניעס זיינען בעזעצט פון אידישע בויערען, וועלכע ליידען עקאָנאָמיש מעהר און אַלענפאַלס ניט וועניגער וויא דיא קריסטליכע בויערען. קיין רייכע ערד־בעזיצער זיינען דאָרט ניטאָ. דיא קאָלאָניעס ווערען יעדען יאָהר ענגער און זעלבסטפערשטענדליך אָרימער, ווייל נייע נפשות קומען צו, קיין נייע ערד אָבער קומט ניט צו. ביסלעכווייז הייבען אָן דיא אידישע קאָלאָניסטען, וויא די קריסטליכע דאָרפס־בויערען, צו פערלאַזען זייערע הייזער און פערדונגען זיך אין דיא פאַבריקען פון דיא נאָהענטע אָדער וועיטערע שטעדט.

אָבער ניט קוקענדיג אויף דיא אַלע בעשריינקונגען און רדיפות, געפונען זיך היינט נאָך אין רוסלאַנד אידישע ערד־אַרבייטער, כאָטש אין אַ גאַנץ קליינער צאָהל.

עס זיינען פאַראַן אידישע ערד־אַרבייטער אין דיא אידישע קאָלאָניען:

אין „תחום" 13,550 הויפען; 63,342 נפשות; 17,838 דעסיאַטין אייגענע ערד; 81,858 געדונגענע ערד; צוזאַמען 99,696 דעסיאַטין.

אין פּוילען: 2509 הויפען; 12,545 נפשות; 13,334 דעסיאַטין ערד.

סך הכל: 13,059 הויפען; 75,887 נפשות און 113,030 דעסיאַטין ערד.

עס איז אָבער בעוויעזען געוואָרען, אַז נור צוויי דריטעל פון דער דאָרפישער אידישער בעפעלקערונג באַשעפטיגט זיך אין אמת'ן מיט ערד־אַרבייט. עס זיינען אָבער דאָ אַן ערך פון 100 טויזענד אידען, וואָס באַשעפטיגען זיך מיט פערשיעדענע צווייגען פון דער לאַנדווירטשאַפט ניט אין דיא קאָלאָניען.

פיעל ערד, ביי 2 מיליאָן דעסיאַטין, געפינט זיך נאָך אין דיא הענד פון אידישע קאַפּיטאַליסטען. 90 פּראָצענט פון דער ערד איז בעזעצט מיט וועלדער, וועלכע געהערען צו 6 טויזענד אונטערנעהמער.

דיא אידישע קאָלאָניסטען זיינען, וויא דיא בויערן, אין דיא רוסישע דערפער, צוטהיילט אין 2 גרופּען: אין קליינבירגער (דער קלענסטער טהייל) און אין אָרימע פּראָלעטאַריער, אָהן ערד און פּארמעגען.

ניט פיעל בעססער איז דיא לאַגע פון דיא אידישע 2059 פאַמיליען, וועלכע לעבען אין פּוילען פון ערד־אַרבייט. זיי האָבען ניט קיין בהמות, ניט קיין מאַשינען. זיי אַלע זיינען אָרים, געדריקט פון דיא אַלגעמיינע אומשטענדען און פון דיא ספּעציעלע אידישע בעשריינקונגען. דיא געוויסענלאָזע רוסישע בעאַמטע און כאַבאַרניקעס זייגען נאָך אויס דעם לעצטען טראָפּען בלוט פון דיא צעהנדליגע טויזענדער הונגערענדע פּראָלעטאַריער.

ניט קיין פרעהליכערע ביילד עפענט זיך פאַר אונזערע אויגען אויף דאָן, ווען מיר טראָגען זיך אריבער אין דיא שטעדט, אין דיא "אידישע„ שטעדט פון "תחום„ און פון פּוילען.

אפילו דאָרט, וואו דער גרעסטער טהייל פון דיא בעפעלקערונג זיינען אידען, איז דיא צאָהל אידישע קאַפּיטאַליסטען קלענער, וויא די קריסטליכע.

פאָלגענדע קליינע טאַבעלע בעווייזט קלאָהר וויא פיעל אידישע פאַבריקען עס געפינען זיך:

אין צפון־מערב רוסלאַנד 50 פּראָצענט;
אין דרום־מערב רוסלאַנד 39,9 פּראָצענט;
אין דרום רוסלאַנד 23,9 פּראָצענט.

וויא מיר זעהען, זיינען דיא אידישע פאַבריקען וועניגער וויא דיא קריסטליכע. עס קען אָבער זיין, אַז דער עיקר איז ניט דיא צאָהל פון דיא פאַבריקאַנטען, נאָר וויא פיעל יעדער פון זיי פערמאָגט, ווייל עס איז זעהר מעגליך, אַז דיא אידישע פאַבריקען זיינען אַזוי קאָנצענטרירט אין וועניג הענד, אַז איין אידישער פאַבריקאַנט גיט אַרויס פון זיין פאַבריק פיעל מעהר סחורה און האַלט מעהר אַרבייטער וויא אַנדערע צוויי ניט־אידישע פאַבריקאַנטען.

אויף דעם ענטפערען פאָלגענדע צוויי טאַבעלען:

1) דער סכום פּראָדוקטען, וועלכע געהט אַרויס פון אידישע פאַבריקען אין תחום:

אין צפון־מערב רוסלאַנד 47,6 פּראָצענט;
אין דרום־מערב רוסלאַנד 27 פּראָצענט;
אין דרום רוסלאַנד 10 פּראָצענט.

2) דיא צאָהל פון אַרבייטער אויף אידישע פאַבריקען פון „תחום":

אין צפון־מערב רוסלאַנד 58 פּראָצענט;
אין דרום־מערב רוסלאַנד 25,9 פּראָצענט;
אין דרום רוסלאַנד 7 פּראָצענט.

מען דאַרף ניט האָבען קיין בעסערען בעווייז, אַז אפילו אין „תחום", וואו דיא אידען האָבען אַ מעגליכקייט צו טהאָן עפּעס מיט זייערע קאַפּיטאַלען, האָבען זיי נאָך ניט דער־

גרייכט דיא שטופע, צו וועלכע עס זיינען דערגאַנגען דיא קריסטליכע קאַפּיטאַליסטען.

בעלעהרענד זיינען דיא „מאַטעריאַלען“ אויך דערמיט, וואָס זיי צייגען פון אַנדערן זייט, אַז דיא מעהרסטע קרבנות אויף דעם מזבח פון קאַפּיטאַל פאַלען אין יענע גובערניעס דוקא ניט פון דיא רוסישע „תושבים“, נאָר פון אידישע אָרימע לייט און אַרבייטער, פון אידישע פרויען און קינדער.

אין וויטעבסקער גובערניע, צ. ב., זיינען אידישע פרויען און קינדער 61 פּראָצענט. אין מינסקער — 59 פּראָצענט פון אַלע אַרבייטער.

* * *

דיא „מאַטעריאַלען“ גיעבען אויך אַ גוטען בעגריף וועגען דיא בעדינגונגען, אונטער וועלכע דיא אידישע אַרבייטער זיינען געצוואונגען צו פערדיענען זייער שטיקעל ברויט. זיי אַרבייטען אין דיא שעדליכסטע, שמוציגסטע פאַבריקען, ביי דיא שעדליכסטע, שמוציגסטע און שווערסטע אַרבייט. דיא אידישע אַרבייטער ווערען צוגעלאָזען אַם מייסטען נור אין אַזעלכע פאַבריקען, וואו דיא קריסטליכע ווילען ניט אַרבייטען. דער גרעסטער טהייל פון אידישע אַרבייטער געפינט זיך אין דיא פאַבריקען, וואו עס ווערען געמאַכט בערשטלאַך, שוועבעלאַך, (מעטשעס), זייף, טאַבאַק, און אין דיא גאַרבאַרנעס, מיט איינעם וואָרט, אין אַזעלכע פלעצער, וועלכע מאַכען דעם אַרבייטער פאַר אַ זיכערען קאַנדידאַט אויף שווינדזוכט.

פון דיא אַרבייטער אויף טאַבאַק פאַבריקען זיינען דא אידישע איבער 90 פּראָצענט, מעהרסטענס אידישע פרויען און קינדער (70 פּראָצענט פון אַלע אַרבייטער).

וויא ווייט דיעזע אַרבייט איז שעדליך, קען מען זעהן פון אַן אָפּיציעלען בעריכט פון מאָהילעווער גובערניע:

„דיא וואָס האָבען געאַרבייט אַ קורצערע אָדער לענגערע צייט ביי טאַבאַק, בעזאָנדערס קינדער, ערוועקען מיט זייער אויסזעהען אַ גרויסען רחמנות. זיי זיינען מאַגער, מיט בלאַסע, אויסגעדאַרטע און אויסגעצויגענע פּנים'לעך, מיט פיעבעריש־פינקעלדיגע אויגען. זיי אָטהעמען ניט רעגעלמעסיג און אָפּט. עס כאַפּט אָן ביים האַרצען, ווען מען קוקט אויף דיעזע אונגליקליכע מענשען“.

וויא מיר האָבען שוין באַמערקט, ווערען דיא אידישע אַרבייטער אַריינגעלאָזען ניט אין אַלע פאַבריקען. דאָס אינטערעסאַנטעסטע דערביי איז אָבער, וואָס דיא אידישע פאַבריקאַנטען זיינען נאָך מעהר, איידער דיא קריסטליכע, געגען אַריינגעהמען אין דיא פאַבריקען אידישע אַרבייטער. נאָך מעהר: ווען זיי זיינען שוין געצוואונגען צו־צונעהמען אידען, צאָהלען זיי דיא אידישע אַרבייטער פיעל וועניגער שכירות, איידער קריסטליכע. אין פאַבריק פון דיא ברידער עלשטיין אין וואַרשוי, וואו אידען ווערען זעהר זעלטען צוגעלאָזען, בעקומען דיא אידישע אַרבייטער 10—11 רובעל אַ וואָך, ווערענד פאַר דער זעלבער אַרבייט אין דער זעלבער פאַבריק, קריעגען דיא קריסטליכע אַרבייטער 16־17 רובעל אַ וואָך.

אין דיא אידישע גרויסע מאַנופאַקטור־פאַבריקען פון לאָדז, וויא צום ב. ש., ביי פּאָזנאַנסקי, ש. ראָזענבלאַט, זילבערשטיין, און ד. ג., וואו עס אַרבייטען צעהנדליגע טויזענדער אַרבייטער, געפינען זיך לגמרי ניט קיין אידישע אַרבייטער. דיא אורזאַכע דערפון איז, וואָס דיא פאַבריקאַנטען האָבען מורא פאַר דעם אידישען אַרבייטער. „וויא איהר נעהמט אַריין אַ אידישען אַרבייטער אין פאַבריק, — טענה'ן זיי, — מעגט איהר שוין זיין זיכער, אַז איהר וועט האָבען ביי זיך אַ סטרייק“ און ז. וו.

דיעזע „ברידערליכקייט“ פון דיא אידישע פאַבריקאַנטען טרייבט דיא אידישע אַרבייטער אין דיא ערגסטע פאַבריקען, צו דיא שווערסטע אַרבייט. דיא אייזערנע נויטה צווינגט זיי צו פערקויפען אויך זייערע ווייבער און קינדער פאַר אביונ'ישע שכירות. אין פיעלע פאַבריקען בעקומען קינדער פאַר זייער אַרבייט איין רובל אַ חודש, ד. ה. עטוואָס מעהר פון דריי קאָפּיקעס אַ טאָג, — קוים אויף אַ פונט ברויט!

* * *

אידישע בעלי־מלאכות זיינען אין רוסלאַנד פאַראַן 500,986. דאָס איז אַ קימא לן פון 13,2 פּראָצענט פון דער גאַנצער אידישער בעפעלקערונג אין רוסלאַנד און איבער 18 פּראָצענט פון דיא אַרבייטס־פעהיגע אידען, ד. ה. אַלזאָ, אַז אויף קנאַפּע זעקס אידען געפינט זיך איין בעל מלאכה. פון אַלע בעלי־מלאכות פון „תחום“ זיינען דיא אידישע 80 פּראָצענט.

דאָס אַליין איז שוין גענוג צו בעווייזען, אַז דיא אידען זיינען ניט אַ פאָלק פון בלויז שווינדלער, לופט־מענשען, שענקערס, קרעמערס, מעקלערס און ד. גל. דיא „מאַטעריאַלען“ דיענען נאָך אויסער דעם אַלס בעסטער בעוויז, וויא פאַלש עס זיינען דיא בעהויפּטונגען, אַז דיא אידען נעהמען זיך שטענדיג בלויז צו לייכטע מלאכות. דיא פאָלגענדע טאַבעלע וועט קלאָר מאַכען דיא לעזער, אין וועלכע פאַכען און טריידס דיא אידען זיינען באַשעפטיגט:

ביי קליידער און טואַלעט זאַכען אַרבייטען איבער 38 פּראָצענט; ביי פעל־אַרבייט 17 פּראָ־

צענט; ביי שפייז פראָדוקטען איבער 11 פראָ־
צענט; ביי האָלץ ארבייט איבער 9 פראָצענט; ביי מעטאַל־ארבייט איבער 9 פראָצענט; ביי געביידעס איבער 6 פראָצענט און ביי אנדערע פערשיעדענע טריידס איבער 6 פראָצענט.

עס איז איבריג צו בעמערקען, אז דיא מעהרסטע בעלי־מלאכות געפינען זיך אימער אין נויטה צוליעב דיא גרויסע קאָנקורענץ, וואָס זיי מוזען פיהרען מיט דיא פאבריקאַנטען. בעזאָנדערס לײדען פיעל די שניידערס, שוסטערס, סטאָליארעס און ז. וו. א גרויסער צאָהל בעלי־מלאכות איז זעלבסטשטענדיג נור נאָך'ן נאָמען. אין אמת'ן ארבייטען דיא מעהרסטע פון זיי פאַר וואָכערניקעס, וועלכע שינדען פון זיי אראָב דיא הויט. דער געוועהנליכער פראָצענט פאַר 5 רובעל איז 50 קאָפּיקעס א מאָנאט, ד. ה. 120 פראָצענט א יאָהר.

אין אייניגע גובערניעס איז דיא לאגע פון דיא אידישע בעלי־מלאכות גאַר אונערטרעגליך.

דער געוועהנליכער פערדיענסט פון שניידער אין אייניגע פלעצער קלעקט קוים אויף א טרוקען שטיקעל ברויט.

אָט דאָ איז א טאבעלע פון דיא שניידערשע פערדיענסטען יעדען יאָהר:

אין אייניגע פוילישע גובערניעס צו 250 רובעל א יאָהר; אין 33 פראָצענט פון די פוילישע גובערניעס צו 100—120 רובעל א יאָהר; אין צפון־מעריב רוסלאנד צו 80—100 רובעל א יאָהר; אין דרום־מעריב רוסלאנד 50—80 רובל א יאָהר; בלויז אין דרום רוסלאנד 400—800 רובעל א יאָהר.

ניט בעסער — און אין פיעלע פלעצער נאָך ערגער — איז דיא לאגע פון אידישע שוסטער, וועלכע פערדיענען געוועהנליך ניט מעהר וויא צוויי און א מאָל אנדערהאַלבען רובעל א וואָך.

בעזאָנדערס שווער איז דיא עקאָנאָמישע לאגע פון דיא אידישע בעלי־מלאכות אין „ווייס־רוסלאנד (וויטעבסקער, מאָהילעווער און מינסקער גובערניעס), וואו זיי זיינען א דריטעל פון דער גאַנצער אידיישער בעפעלקערונג. נאָך 15־18 שטונדען ארבייט יעדען טאָג האָט א דאָרטיגער בעל־מלאכה ניט מיט וואָס צו שטילען דעם הונגער.

אין דרום־מעריב רוסלאנד זיינען דיא אידישע בעלי־מלאכות איבער 41 פראָצענט פון דער גאַנצער אידיישער בעפעלקערונג. כמעט דריי פיערטעל פון דיא דאָרטיגע בעלי־מלאכות ארבייטען ביי דיא שווערסטע און שעדליכסטע טריידס, פאַר וועלכע זיי ווערען בעלאָהנט מיט דער פולער האַנד פון דער פראָלעטארישער בעגלייטערין — דיא שווינדזוכט.

* * *

אויסער דיא פאבריק ארבייטער און געלערנטע („סקילד") ארבייטער, זיינען ביי אידען נאָך פאראַן איבער צוויי הונדערט טויזענד האַראַפּאַשנע ארבייטער, טאָג־לוינער (טשאָרנאָראבאָטשים), וועלכע ארבייטען פון טאָג, ביי וואָס עס מאכט זיך נאָר. דאָס זיינען דיא אונגליקליכסטע צווישען דיא אידישע אָרימע קלאַסען. זיי טהוען געוועהנליך דיא שווערסטע ארבייט, זיי טראָגען איבער אויף זייערע פּלייצעס גאַנצע בערג מיט משא, זיי בעשעפטיגט מען פאַר דיא שמוציגסטע זאכען; זיי שטעהען אויס קעלט און היצען, רעגענס און שנעען, פרעסט און שטורמס און פאַר דיעזע אלע זיסע זאכען האָבען זיי זעהר אָפט אפילו ניט וואו צו נעכטיגען.

אין אדעס, צום ב. ש., זיינען דאָ ארום דריי הונדערט טאטשקעניקעס. אנשטאָט צו טראָגען אויף דיא פּלייצעס, לעגען זיי אנידער דיא משא אויף א טאטשקע און שלעפּען זיא. אויף דער טאטשקע קענען זיי איבערפיהרען אויף איין מאָל מעהר זאכען וויא אויף דיא פּלייצעס — דאָס איז גיכער עקאָנאָמיע אין צייט וויא אין כוחות, ווייל שלעפּען דיא טאטשקע איז ניט א וועניגער קאטאָרזשנע ארבייט. לויט דיא „מאטעריאלען" איז דער טעגליכער פערדיענסט פון דיא טאטשקעניקעס ניט מעהר פון 30—50 קאָפּיקעס א טאָג, פון וועלכע זיי מוזען אראָבגעבען 10—15 קאָפּיקעס פראָקאַט פאַר דער טאטשקע.

דיא פאקטען, וועלכע מיר האָבען געבראכט זיינען נאָר א קליינער טהייל פון דעם בארג פאקטען און צאָהלען, וואָס זיינען צונויפגעקליבען אין יענע „מאטעריאלען". אָבער אויך דיא וואָס מיר האָבען געבראכט זיינען גענוג צו ווייזען, אז אָרימקייט, נויטה, הונגער, קראַנקהייטען, יסורים — דאָס זיינען געוועזן דיא טרויעריגע פאקטען, דיא גרויזאַמע ווירקליכקייט נאָך פאַר דיא פּאָגראָמען־מגפה, נאָך פאַר דעם לעצטען קריזיס. וואָס איצט טהוט זיך, קען מען זאָגאר זיך ניט פאָרשטעלען.

בן יקיר.

ארבייטער ארגאניזאציאנען

און ארבייטער קעמפפע אין פראנקרייך.

1

אזוי ווי גרויסע אייראפעאישע לענדער געפינען זיך אין אלגעמיינעם אינערליכען קריעגס־צושטאנד : פראנקרייך און איטאליען. קאפיטאל און ארבייט גיבען דארט איינע דיא אנדערע שלאכטען, גרויסע, אלגעמיינע שלאכטען.

מיט דיא מאשין־קאנאנען פון פראלעטארישען קאמפף, מיט דעם גענעראל־סטרייק זיינען איןביידע לענדער דיא ארבייטער ארויס אין קאמפף. אין ביידע לענדער האנדעלט עס זיך קודם כל וועגען עקאנאמישע סטרייקס, וועלכע האבען דירעקט מיט פאליטיק ניט צו טהון. דיא פאליטישע פארוויקלונגען, און דער פאליטישער כאראקטער איז ערשט געקומען אין דער צייט פון קאמפף און דורך'ן קאמפף גופא, ווען דיא רעגיערונגען האבען אנגעהויבען זיך אריינצומישען און נעהמען פארטייאישע, ברוטאלע שטעלונג געגען דיא סטרייקער, פאר דיא קאפיטאליסטען.

דיא קעמפפע אין פראנקרייך זיינען אויסגעבראכען כמעט מיט א חודש פריהער, איידער אין איטאליען, און ווען מיר שרייבען דיא שורות האלט מען אין פראנקרייך שוין ביי נאלה. אין איטאליען אבער נור ביי שחרית. מיר וועלען דערפאר דעם מאל זיך אבשטעלען נור אויף פראנקרייך, איבערלאזענדיג איטאליען אויף א צווייטען מאל.

אייגענטליך איז דער איצטיגער קאמפף פון דיא פראנצויזישע ארבייטער, ניט קיין אונערווארטעטע, איבערראשענדע זאך. נאך מיט צוויי יאהר פריהער, אויפ'ן לעצטען קאנגרעס פון דיא ארבייטער ארגאניזאציאנען אין יאהר 1904, איז בעשלאסען געווארען דעם 1טען מאי 1906 אויפצוהייבען דעם איצטיגען קאמפף פאר דעם אכטשטונדיגען ארבייטס־טאג.

אבער עס האבען זיך אונטערגערוקט זייטיגע אומשטענדע, וועלכע האבען דיא לאגע געמאכט ערנסטער, פערוויקעלטער. עס האבען זיך אריינגעמישט זייטיגע איינפלוסע און האבען אריינגעטראגען א מישענעם אין דיא מהות. עס האבען זיך געפונען אינטריגאנטען, וועלכע האבען אויסגענוצט דיא פראלעטארישע זאך פאר זייערע פינסטערע צוועקען, און דער פועל יוצא איז געווען, אז משונה'דיגע, ווילדע סענסאציאנען האבען זיך גענומען טראגען פון פאריז. דיא סאציאלע רעוואלוציאן, דעם פראלעטארישען גענעראל־סטרייק, דעם פארביטערטען קאמפף פון דיא קאהלען ארבייטער אין נארד־פראנקרייך, דאס אלץ האט מען ארויסגעזאגט נשמה אחת און זאגאר פארבונדען מיט נאציאנאליסטישע און מאנארכיסטישע אינטריגען און בונטען. דערשראקען האט זיך דיא בורזשואזיע. נערוועז איז געווארען דיא רעגיערונג. ביידע האבען דעם קאפ און דיא האלטונג פערלארען, און זיך גענומען גרייטען אויפ'ן ערשטען מאי צו גרויסע שלאכטען.

דער ערשטער מאי איז אוועק רוהיג, פריעדליך. ווען ניט דיא אויפרייצענדע האלטונג און דיא ברוטאלע האנדלונג פון דיא פאליציי און אפיצירען, וואלט ער אוועק דארט גאר אהן אינצידענטען, צוזאמענשטויסונגען און בלוטפערגיסונגען. אבער אפילו ניט קוקענדיג אויף דאס אלץ, האבען זיך דיא אלע שרעקענס־געשיכטען אויסגעלאזען פאר בייזוויליגע און נארישע באבע־מעשות. דיא „געפאהרען" זיינען פאריבער. דיא בלאפס וועגען „סאציאלע רעוואלוציאן", און ד. גל. האבען אויפגעהערט. דער קאפף פון דיא ארבייטער געהט אבער אן נאך ווייטער, און לויט דיא נייעסטע בעריכטען איז דיא גענעראל־סטרייק בעוועגונג נאך שטארקער, גרעסער און אלגעמיינער איידער אין דיא „געפעהרליכע טעג" פון סוף אפריל. און אט דיא דאזיגע בעוועגונג אליין, דער טרעגער פון קאמפף, דער צוועק פון קאמפף און דער קאמפפס־מיטעל, דאס אלץ זיינען אזוינע וויכטיגע אינטערנאציאנאלע ערשיינונגען, אז אויף זיי לוינט זיך אויספיהרליכער אבצושטעלען און נעהענטער זיך צו צוקוקען.

דיא גאנצע איצטיגע בעוועגונג ווערט אנגעפיהרט פון דער „אלגעמיינער קאנפעדעראציאן (בונד) דער ארבייט"; איהר ציעל איז

דיא איינפיהרונג פון אַכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. איהר וואפע — דער גענעראַל־סטרייק.

אין פלוג איז דיא גאַנצע געשיכטע כולה מוקשה: דיא איינפיהרונג פון אַכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג און נאָך אין אַלע פּראָדוקציאָנס־צווייגען, צו האַלטען דיא ארבייטער שוין אין פראנקרייך דערביי? צווייטענס דער גענעראַל־סטרייק אַלס מיטעל דערצו, צו איז עס טאַקע דער וועג פאר דיא דורכפיהרונג פון אַזא פּאָדערונג? און דריטענס דיא אַלגעמיינע קאָנפעדעראציאָן דער ארבייט, צו איז זיא גענוג גרויס, גענוג שטארק אַזא קאַמפּף אָנצופיהרען און דורכצופיהרען?

דיא דריי גרויסע פראגען האָבען אַן אַלגעמיינעם פראַקטישען אינטערעס. זיי לאָזען זיך מיט אַ געוויסער זיכערהייט פּאַרענטפערען על פּי סברה, פּאַראויס (אַ פּריאָרי), ווען מיר אונטערזוכען דיא גאַנצע געשיכטע און דיא צושטענדע פון דער פראנצויזישער ארבייטער־בעוועגונג און אינדוסטריעלע צושטענדע. דיא תשובה וועט מוזען באשטעטיגט אָדער אָבגעלייקענט ווערען נאכהער (אַ פּאָסטעריאָרי) אויף דעם גרונד פון דיא פאקטען און רעזולטאטען פון דעם איצטיגען קאַמפּף.

דער קאַמפּף איז נאָך ניט געענדיגט. דיא פאקטען וועלכע מיר וויסען דערוויילע דאָ זיינען נאָך וויים ניט פול, ניט גענוג צו קענען זיך טיעפער ארויסגעפינען אין דיא איצטיגע קעמפּפע. וואָס מיר קענען יאָ און וואָס מיר מוזען יאָ טהאָן איז זיך נעהענטער צוצוקוקען צו דיא אַלגעמיינע צושטענדע, צו דער געשיכטע פון דיא פראנצויזישע געווערקשאפטען, זייער לעבען און קעמפּפע, כדי צו קענען שאַפען דיא מעגליכקייט צו פּאַרשטעהען דאָס וואָס קומט איצט פאר אין פראנקרייך, און דאָס איז דער צוועק פון דעם ארטיקעל.

2

אין פראנקרייך קומט פאר גראדע דיא פּאַרקעהרטע ערשיינונג, איידער ביי אונז דאָ אין אמעריקא. דיא פּאָליטישע פּראָלעטארישע בעוועגונג איז שוין אַזוי שטארק, האָט הינטער זיך אַ גרויסע, לאַנגע העלדענגעשיכטע. דיא עקאָנאָמישע, טרייד יוניאָניסטישע, פּראָלעטארישע בעוועגונג איז אָבער יונג אין יאָהרען, פּערהעלטניסמעסיג קליין אין וואוקס און אָרים אין מעשים.

„דיא געווערשאפטליכע אָרגאַניזאַציאָן — שרייבט קויטסקי — איז אין פראנקרייך פיעל אינגער, איידער אין דאָס רוב איירָאָפּעאישע שטאַאטען. אַלס מאַסען־אָרגאַניזאַציאָן איז זיא ערשט אַלט אַ ערך פון 10 יאָהר. ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס שוין מעהר וויא הונדערט יאָהר זינט דאָרט עקזיסטירט אַ שטאַרקע פּאָליטישע שטרעבונג און מעהר וויא 60 יאָהר עקסיסטירען שוין זעלבסטשטענדיגע פּראָלעטארישע פּארטייען, האָט דער פּראָלעטאַריאַט דאָרט ערשט ניט לאַנג באַקומען דעם פונדאמענט פון זיין געווערקשאַפטליכער אָרגאַניזאַציאָן.“ *)

דיא געשיכטע פון דער מאָדערנער געווערקשאַפטליכער בעוועגונג אין פראנקרייך הייבט זיך אָן ערשט פון יאָהר 1884. ביז דאָן איז איבער דיא האַלז פון פראנצויזישען פּראָלעטאריאט נאָך אַלץ געווען פארציוגען דיא שטריק, וועלכע עס האָט אויף איהם ארויפגעלייגט דעם 14טען יוני 1791 דיא גרויסע נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. דיא זעלבע פערזאַמלונג, וועלכע האָט אין דיא נאַכט פון 4טען אויגוסט 1789 פּארניכטעט אַלע בעשריינקונגען און לאַסטען; וועלכע האָט פון 2טען ביז 17טען מערץ 1791 פעסטגעלייגט דעם פונדאמענט פון ארבייטס־פרייהייט, זיא האָט דעם 14טען יוני פון זעלבען יאָהר אָנגענומען אַ געזעץ, וועלכער „פּאַרבאָט“ דיא בירגער „זיך צו פּעראייניגען אין אָרגאַניזאַציאָנען, כדי צו פּארטהיידיגען זייערע כלומרשט׳דיגע געמיינזאַמע אינטערעסען“. **)

דער פערבאָט איז געהאַנגען כמעט אַ גאַנצען יאָהר־הונדערט, וויא שווערע קייטען אויף די ארבייטער און זיי ניט געלאָזען זיך פּעראייניגען אין קאַמפּף אָרגאַניזאַציאָנען, כדי צוזאַמען צו קעמפּפען פאר זייערע אינטערעסען, פאר דיא פערבעסערונג פון זייער לאַגע.

דער געזעץ איז לכתחילה געווען בארעכענט אויף געגען דיא קאַפּיטאַליסטען. אָבער דיא קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האָבען זיך ניט גענויטיגט אין מאַסען־פעראיינען, האָבען געפונען מיטלען וויא זיך פון דעם געזעץ צו בעפרייען. פאר זיי זיינען אויף געמאַכט געוואָרען הנחות שוין אין דיא נעכסטע איניגע יאָהר. דיא ארבייטער האָבען אָבער דיא קייטען פון דעם געזעץ געדארפט טראָגען, מיט קליינע ענדערונגען, ביז דעם יאָהר 1884.

דער געזעץ פון 21טען מערץ 1884 האָט צום ערשטען מאָל געגעבען דיא ארבייטער דיא

(*–Karl Kantsky Republik und Social-
demokratie in Frankreich N.Z.1905
schaften in Frankreich. Handw. d.
**–Prof. Ernst Maheim. Die Gewerk-
Staatsw. Ba IV 2te Aufl.

מעגליכקייט צו בילדען קאמפפס-פעראיינען, געווערקשאפטען, זיך צו אָרגאַניזירען אלס לאָהן-ארבייטער. דער נייער געזעץ האָט אָבער נאָך ניט אין גאַנצען בעפרייט די ארבייטער אָרגאַניזאַציאָן פון דער פּאָליציילי-כער השגחה. און דערמיט ערקלערט זיך די מערקווירדיגע ערשיינונג, דאָס, אין די ערשטע יאָהרען האָבען די ארבייטער זיך ניט געאיילט צו באַנוצען מיט דעם נייעם געזעץ, און נור לאַנגזאַם האָבען זיי גענומען גרינדען פעראיינען. זיי האָבען מורא געהאַט פאַר דעם געזעץ, צו איז ער ניט א פּאַסקע.

אין די אָפיציעלע סטאַטיסטיק פון „אר-בייטס-אָפיס" געפינען מיר פאָלגענדע ציפערן וועגען דעם וואוקס פון די געווערקשאַפטען אין פראַנקרייך :

אין יאָהר 1890 האָבען עקסיסטירט 1006 פעראיינען מיט 139.692 מיטגליעדער.

אין יאָהר 1895 האָבען עקסיסטירט 2163 פעראיינען מיט 419.781 מיטגליעדער.

אין יאָהר 1900 האָבען עקסיסטירט 3287 פעראיינען מיט 491.647 מיטגליעדער.

אין יאָהר 1902 האָבען עקסיסטירט 3934 פעראיינען מיט 614.173 מיטגליעדער.

אין יאָהר 1903 זיינען געווען אָרגאַני-זירט 643.757 ארבייטער.

דאָס זיינען די לעצטע צאָהלען, וועלכע מיר האָבען געפונען.

די צאָהלען ווייזען אפילו, אז די געווערקשאַפטען אין פראַנקרייך זיינען געוואַק-סען שנעל, זיך ענטוויקעלט סיסטעמאַטיש. אָבער ועל כלם בילדען די אָרגאַניזירטע ארביי-טער היינט נור נאָך א גאַנץ קליינעם טהייל פון דער ארבייטער קלאַס.

א גענויער בילד וועגען דעם צושטאַנד פון די פראַנצויזישע געווערקשאַפטען קען מען באַ-קומען פון פאָלגענדע טאַבעלע, וועלכע מיר גע-פינען ביי לעאָן דע סיילהאַק.

פּראָדוקציאָנס-צווייגען.

קאָהלען-גרובען. ארבייטער 150.823, דער-פון אָרגאַניזירט 91.351, פּראָצענט פון אָרגאַ-ניזירטע 60.

לעבענסמיטעל-פּערפּערטיגונג. ארבייטער 223,348 דערפון אָרגאַניזירט 21.820, פּראָצענט פון אָרגאַניזירטע 9′.76

טעקסטיל - אינדוסטריען. ארבייטער 622.588, דערפון אָרגאַניזירט 54.828, פּראָ-צענט פון אָרגאַניזירטע 9.

קליידער און שטאָף אינדוסטריען. ארביי-טער 400.699, דערפון אָרגאַניזירט 141.31, פּראָצענט פון אָרגאַניזירטע 3½.

שיך און לעדער אינדוסטריען. ארבייטער 130.118, דערפון אָרגאַניזירט 19.298, פּראָ-צענט פון אָרגאַניזירטע 14.

מעטאַל אינדוסטריען. ארבייטער 440,741, דערפון אָרגאַניזירט 94.022, פּראָצענט פון אָר-גאַניזירטע 21.

געביידעס. ארבייטער 611.701, דערפון אָר-גאַניזירט 69.107, פּראָצענט פון אָרגאַניזירטע 11.

טראַנספּאָרט, צוזאַמען מיט אייזענבאַהנען. ארבייטער 740.941, דערפון אָרגאַניזירט 152.041, פּראָצענט פון אָרגאַניזירטע 20.

כעמישע אינדוסטריען. ארבייטער 68.659, ־ערפון אָרגאַניזירט 23.564, פּראָצענט פון אָר-גאַניזירטע 24.

טאַבאַק און שוועבעלעך. ארבייטער 20.000, דערפון אָרגאַניזירט 20.000.

בוכדרוקעריי. ארבייטער 54.326, דערפון אָרגאַניזירט 17.040, פּראָצענט פון אָרגאַניזיר-טע 31.

אין גאַנצען זיינען פון 3.285.911 ערוואַק-סענע פראַנצויזישע ארבייטער געווען אָרגאַני-זירט 5 4 5 . 3 6 2 מאַן. די ציפערן גע-הערען צום יאָהר 1901. פון דאַן אָן האָט זיך די לאַגע ניט פיעל געענדערט.*)

עס איז אינטערעסאַנט נאָך צו באַמערקען, אז כמעט א דריטעל (208 טויזענד אין יאָהר 1903) פון די אָרגאַניזירטע ארבייטער געפי-נען זיך אין פּאַריז.

די צאָהל פון די אָרגאַניזירטע ארביי-טער און פון די ארבייטער אָרגאַניזאַציאָנען דאָס איז נאָך נור איין טהייל פון דער זאַך. פיעלעס היינגט אָפּ פון די אינערליכע שטאַר-קייט, איינהייטליכקייט, דיסציפּלין, קאַמפּפס-לוסטיגקייט און געאיבטקייט אין קאַמפּף.

די פראַנצויזישע געווערקשאַפטען זיינען לכל הדעות אין דער הינזיכט זעהר ווייט אָב-געשטאַנען פון אַנדערע לענדער. „בכלל זיינען די פראַנצויזישע פעראיינען (סינדיקאַטען) ניט גלייך צו די טרייד-יוניאָנס, און מען דאַרף זיך ניט וואונדערן וואָס בכלל האָבען זיי וויי-ניג איינפלוס אויף די לאָהן-בעוועגונגען און אויף די ארבייטס-בעדינגונגען. עס קומט פאָר זעלטען, אז אין זעלבען פּלאַץ זאָלען ניט עקסיסטירען עטליכע פעראיינען פון זעלבען פאַך, וועלכע זאָלען ניט פיהרען צווישען זיך קריעג." אזוי כאַראַקטעריזירט די פראַנצויזי-

*) III—Leon de Seilhac. Les Syndicats oworiers, Federation, Bowoses du Travail, Paris, 1902.

שע געווערקשאַפטען אַ בעלגיישער בירגערליכער געלעהרטער, ערנסט מאַהיים.

דעם זעלבען אורטהייל באַשטעטיגט דער דייטשער סאָציאַלדעמאָקראַטישער דיינקער קאוטסקי. ער שרייבט: „אין אַלץ וואָס איז נגוע אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט, דיסציפּלין און איינהייטליכער צוזאַמענווירקען אויף לייננגערע־צייט זיינען דיא פראַנצויזישע אַרבייטער זעהר שטאַרק הינטערשטעליג אין פערגלייך מיט אַנדערע לענדער" („רעפּובליק און סאָציאַלדעמאָקראַטיע אין פראַנקרייך"). דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער שרייבער זשאַן לאָנגע ברייננגט איינינגע ביישפּיעלע פון דער צוריסענקייט וואָס הערשט אין דיא פּאַריזער אָרגאַניזאַציאָנען. „איינע פון דיא כאַראַקטעריסטישע ציגע פון דיא פּאַריזער אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען — שרייבט ער — איז דיא גרויסע צאָהל פון געווערקשאַפטליכע גרופּען, דער רעזולטאַט פון העכסט־ענטוויקעלטער אָבגעזונדערטקייט. ערשטענס עקסיסטירט אַ סך געווערקשאַפטען אין זעלבען פאַך און צווייטענס איז יעדער אינדוסטריע געטהיילט און צושפּאַלטען אויף אונצעהליגע אָבטהיילונגען. אין פּאַריז געפינט מען צ. ב. זעקס געווערקשאַפטען פון באַפּוצונג־אַרבייטען, 5 פון קונסטמאַלערס, 7 פון גראַווירערן, 9 פון לימאָנאַד־פּערקויפער, 19 פון מאַלערס, 12 פון מאָורער, 6 פון שלאָסער, 19 פון אייזענבאַהן אַרבייטער, 17 פון דרוקער, 9 פון בעקער, 6 פון גאַז אַרבייטער." *)

ביי אַזאַ צואוואָרפענקייט און צושפּליטערונג, וואָלטען דיא פראַנצויזישע געווערקשאַפטען איבערהויפּט קיין ברעקעל בעדייטונג ניט געהאַט, ווען זיי וואָלטען זיך ניט צוזאַמענגעשלאָסען צו גרעסערע פערבאַנדען. דיא שטרעבונג האָט זיך געמוזט אַרויסווייזען באַלד ביי דיא ערשטע גרעסערע קעמפּפע. און שוין אין יאָהר 1885 זעהען מיר, וויא עס בילדעט זיך דער ערשטער גרויסער נאַציאָנאַלער פערבאַנד. דאָס איז דער פערבאַנד פון דיא בוך־דרוקער. ער איז דער עלטעסטער פערבאַנד אין פראַנקרייך, וויא אין פיעל אַנדערע לענדער. אין יאָהר 1885 האָט ער שוין געהאַט 6321 מיטגליעדער. אין יאָהר 1900 האָט ער געהאַט 8949 מיטגליעדער. אין יאָהר 1903—10313 מיטגלידער. ער איז דער מעכטיגסטער, גייסטיג שטאַרקסטער פערבאַנד.

עס זיינען דאָ אין פראַנקרייך נאָך פיעלע אַנדערע פערבאַנדען: דער פערבאַנד (פעדעראַציאָן) פון דיא מעטאַל אַרבייטער מיט 29,000 מיטגליעדער; פערבאַנד פון מעכאַניקער 7536 מיטגליעדער; נאַציאָנאַלער סינדיקאַט פון דיא אייזענבאַהן־אַרבייטער מיט 37.321 מיטגליעדער. צווישען דיא רעגיערונגס אַרבייטער איז דער פערבאַנד פון דיא טאַבאַק־אַרבייטער (אין פראַנקרייך עקזיסטירט אַ רעגיערונגס מאָנאָפּאָליע אויף טאַבאַק) מיט 9817 מיטגליעדער דער גרעסטער. (זשאַן לאָנגע).

דיא פערבאַנדען זיינען נור דיא ערשטע שטופע אויף דעם וועג פון פעראייניגונג. עס האָט זיך געמוזט ענטוויקלען דאָס בעדירפניס צו פעראייניגען דיא גאַנצע אָרגאַניזירטע אַרבייטערשאַפט אין איין אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציאָן און פון דער שטרעבונג זיינען אַרויס צוויי צענטראַלע קערפּערשאַפטען: דער פערבאַנד פון דיא אַרבייטסבערזען און דיא אַלגעמיינע קאָנפעדעראַציאָן (בונד) דער אַרבייט.

דר. ק. פאָרנבערג.

(שלוס פאָלגט.)

(*—Jean Longuet. Die Gewerkschaftsbewegung in Frankreich, N. Z.

דרוק־פעהלער.

אין פּאַריגען נומער פון „צוקונפט," אין דעם אַרטיקעל „דיא אַלטע און דיא נייע אינטערנאַציאָנאַלע" פון פּראָפעסאָר זאַמבאַרט, האָט זיך אַריינגעגנב'עט זעהר אַן אונאַנגענעהמער דרוק־פעהלער, צווישען דיא אַנטהיילנעהמער פון ערשטען אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס אין פּאַריז אין יאָהר 1889 ווערט אַריינגערעכענט אויך קאַרל מאַרקס. עס איז בעקאַנט, אַז מאַרקס איז געשטאָרבען מיט זעקס יאָהר פריהער.

עס האָט איינפאַך געדאַרפט הייסען: קאַרל בירקלי.

פעראיינס-קאלענדאר

ארבייטער רינג

ברענטש 1, ניו־יאָרק.
מיטעט יעדען פרייטאג אין 414 גרענד סט. סעק. און האָספּיטעלער פּ. לעווין 259 ס. 9טע סט. ברוקלין. דר. טש. שווארץ 155 הענרי סט.

ברענטש 2, נויארק.
מיטעט יעדען שבת אין 1915 דריטע עוועניו. סעק. מ. דאווידאָוו 225 איסט 105טע סט. דאָקטאָר פּישער 1443 לעקיסנגטאָן עוו.

ברענטש 4 ברוקלין נ. י.
מיטעט יעדען מיטוואָך אין 143 מעקקיבען סט. סעק. ד. אשינסקי, 226 קוק סטריט.

ניו יארק בר. נומ. 5.
מיטעט יעדען 2טען און 4טען פרייטאג אין 214 גרענד סט. סעק. פּ. ליאשניק 739 איסט 145טע סט. האָספּיטעלער — לעדער, 221 איסט 83טע סט. דר. מארגאָליס, 211 הענרי סט.

ברוקלין בר. נומ. 6.
מיטעט יעדען 1טען און 3טען פרייטאג אין מאָנאט אין 51 האַמבאָלד סטריט. סעק. ס. הערמאן, 53 מאָרעל סטריט, האָספּיטעלער ס. בלום, 135 וועריט סט. דאָקטאָר דז. קלינקאָוושטיין 77 מעקקיבען סטריט.

ברענטש 8.
מיטעט יעדען פרייטאג אין 206 א. בראָדוויי. סעק. שטיינבערג 386 מעדיסאָן סט. האָספּיטעלער אייק שאפּיראָ 344 טשעררי סט. דאָקטאָר ב. שלעזינגער 25 ראָטגערס סטריט.

פּראָג. קלאָב ברענטש 9, באַלטימאָר.
מיטעט יעדען מיטוואָך אין 139 אסקויט סטריט. סעק. וו. אלטשול 612 אסקויט סט.

ברענטש 11 ברוקלין, נ. י.
מיטעט יעדען דיענסטאג אין סענטראל־האָלל אין 410 סטאָן עוו. סעק. ס. הארוויץ, 299 סטאָן עוו.

ברענטש 12 פילאדעלפיא, פּא.
מיטעט יעדען צווייטען און פיערטען זונטאג, אין 203 פּיין סט. סעק. מ. שלייפער, 417 סויט 6טע.

ברענטש 17 ניו־הייווען, קאָנ.
מיטעט יעדען צווייטען און פיערטען זונטאג אין מאָנאט 3 אוהר נאָך מיטאג אין מיוזיק האָלל, קאָורט סט. (2טען פלאָר) סעק. אַטאָ סלאטער 37 ספּרוז סטריט.

האמלער פּראָג. פער. בר., 20, א. ר.
מיטעט יעדען 2טען און 4טען שבת אין 98 פּאָרסייטה סט. סעק. קאזאנאָוו 67, צווייטע סט. האָספּיטעלער ל. שקאָלניק, 136 קאָלאָמביא סט. דאָקטאָר א. קאספּע 210 איסט בראָדוויי,

---

ברענטש 24, בראָנקס, נויארק.
מיטעט יעדען צווייטען און פיערטען פרייטאג אין מאָנאט אין 9393 דריטע עוו. — סעקרעטער הענרי קאָהן 1706 וואשינגטאָן עוועניו.

ברענטש 27 ראָטשעסטער נ. י.
מיטעט יעדען ערשטען און דריטען מאָנטאג אין מאָנאט אין ווערנערס האָלל, דזשאָזעף עוועניו, קאָר. נעססאָו סט. סעק. ב. שאפּיראָ, 56 הודזאָן עוו.

ברענטש 29 באָפלאָ.
מיטעט יעדען 1טען און 3טען זונטאג אין קרויס האָלל 232 וויליאם סט., סעקרעטער ב. מילער 378 סענעקא סט., האָספּיטעלער סאָל. קריססין, 303 וויליאם סטריט.

היברו עדיוקיישענאל ליעג בר. 31 ארבייטער רינג. לאָרענס מאסס.
מיטעט יעדען 1טען און 3טען זונטאג אין 313 קאממאן סט., סעק. דזש. קאנטאָר, 37 בעננינגטאָן סט.

ברענטש 32 שיקאגאָ.
מיטעט 1טען און 3טען זונטאג אין מאָנאט 2 אוהר נאָכמיטאג, אין פּרינטינגס האָלל, 275 מעקסוועל, קאָר. האָלסטעד סט. פינ. סעק. פּ. רוויקינד, 203 וו. 12טע סט. רעק. סעקר. און האָספּיטעלער מ. זילבערט, 167 הייסטינג סטרים.

ברענטש 33, באָסטאָן.
מיטעט יעדען ערשטען און דריטען זונטאג אין מאָנאט אין 164 קאנאל סט. 10 אוהר מאָרגענס. סעק. ס. וואולף 14 לינדעל סט.

ברענטש 35 ניו יארק.
מיטעט יעדען צווייטען און פיערטען מאָנטאג אין 1059 2טע עוו. סעק. ס. לאנגלעבען, 765 3טע עוו.

פרייע געזעלשאפט, ברענטש 37.
מיטעט דעם 1טען און 3טען דיענסטאג אין מאָנאט, אין 214 ברום סט. סעק. לאפּאן, 83 ריווינגטאָן סטריט. דאָקטאָר ב. נעלסאָן, 268 איסט בראָדוויי, האָספּיטעלער, וו. גינזבורג, 316 איסט 8טע סט.

יאנג מענס פּראָג. ברענטש 40 ניו־יארק.
מיטעט יעדען 2טען און 4טען פרייטאג אין 96 קלינטאָן סט. סעק. ס. בראָדקין, 235 א. 6טע סטריט, האָספּיטעלער, מ. בערלינער 58 נאָרפאָלק סט. דר. בלום 140 הענרי סט.

בר. 44, וועסטענד פרייע לייבר. באלטימאָר, מ. ד.
מיטעט יעדען זונטאג 4 אוהר נאָכמיטאג אין 508 ס. פּולייסק. סעק. מ. פרידמאן 2016 מיגעל סט.

ברענטש 45, פּיטסבורג, פּא.
מיטעט יעדען ערשטען און דריטען דאָנערסטאג אין מאָנאט אין 1345 פינפטע עוועניו., סעק. דזש. באזעל 14 פּרויט סט.

ארבייטער רינג ברענטש 46, לינן, מאסס.
מיטעט יעדען פרייטאג אין 54 סענטראל סקוועיר, 2טען פלאָר. סעק. וו. פלוג 49 וויהלער סט.

ברענטש 47 עליזאבעטה, נ. דזש.
מיטעט יעדען צווייטען און פיערטען שבת אבענד אין לייבערערי האָלל 10-408 קאָורט סט. סעק. מ. געצאָוו, 251 מארשאל סט.

די צוקונפט

No. 7. JULY 1906. Vol. XI

מיוניסיפּאל־סאציאליזמוס.

(„מיוניסיפּאל אָונערשיפּ.“)

פון טהעאדאר ראטשטיין.

.1

מיוניסיפּאל אָונערשיפּ — און דער שטייער צאָהלער.

דאס איז געווען אויף א זיטצונג פון דעם בירמינגהאמער שטאָדט־ראטה, דעם 13טען יאנואר 1874. דער מעער, הערר דזשאָזעף טשעמבערליין, האָט געהאַלטען א גרויסע רעדע אין וועלכער ער האָט ענטוויקעלט זיין פּראָיעקט אויסצוקויפען פאר די שטאָדט די גאז־בעלייכטונג, וואָס איז געלעגען אין די הענד פון א פּריוואט־קאָמפּאניע. „דער פּארלאַמענט — האָט ער געזאָגט—האָט אונז אויפגעפאָדערט, אז מיר זאָלען אָנווענדען די סאניטארנע געזעצען. דאס האָט שוין פארוויקעלט דעם שטאָדט־ראטה אין גרויסע אויסגאבען, און נאָך גרעסרע — שטעהען פאָר. און בירמינגהאם האָט אייגענטליך קיין אַנדער ברירה ניט וויא צו פאָלגען. בירמינגהאם איז זעהר געפאַלען און איז איצטער א זעהר ניט־געזונדע שטאָדט. בכן דארפען מיר זאָרגען פאר איהר סאניטארנע אויסבעסערונג. אָבער דאס קאָסט אָב מאַססען געלד, און איך האָב מורא אז דער דרוק פון דיא שטייערן וועט זיין אונערטרעגליך אויב מיר וועלען ניט געפינען וואָסערען ניט איז מיטעל איהם צו פערלייכטערען. אָט דאס טאַקי שלאָג איך פאָר מיט מיין פּראָיעקט אויסצוקויפען די גאז־אנשטאַלטען. אין אַנדערע שטעדט איז דאס שוין דאָ.

איך ווייס איבערהויפּט ניט קיין אַנדער שטאָדט וואָס זאָל זיין אין דער הינזיכט אזוי שלעכט געשטעלט ווי בירמינגהאם. יעדער פּעני וואָס מיר געבען אויס, מוז בעשאַפען ווערען פון דיא שטייערן, ווערליג, צ. ב. מאַנטשעסטער בעקומט א געוואלטיגען פּראָפיט פון זיינע גאז־אַנשטאַלטען און וואסער־לייטונגען. דאריבער טאַקי זאָג איך : לאָמיר מיוניסיפּאַליזירען דיא גאַז־אַנשטאַלטען כדי מיט זייערע פארדיענסטען צו פערלייכטערן די שטייערן.“

אָט דער זיטצונג און דער רעדע, איז באַשערט געווען צו שפּיעלען א היסטאָרישע ראָלע : פון זיי פאנגט זיך אָן די בעוועגונג, וואָס האָט שפּעטער באַקומען אין אייראָפּא דעם נאָמען פון „מיוניציפּאל־סאָציאַליזמוס“ און וואָס רופט זיך איצטער אָן אין אמעריקא „מיוניסיפּאל־אונערשיפּ.“ די פּראַקטיקע גופא, ווי מען קען ארויסזעהען פון טשעמבערליין׳ס רעדע, האָט שוין עקסיסטירט פריהער. ווי אין אלע מענשליכע זאַכען, איז „אין אָנפאַנג געווען די טהאַט“. אָבער די טהעאָריע און די סיסטעמע שטאַמען ערשט פון דער זיטצונג פון דעם בירמינגהאם׳ער שטאָדט־ראטה פון 13טען יאנואר 1874, ווען טשעמבערליין האָט צום ערשטען מאָל מיטגעטהיילט זיין ענטדעקונג, אז פון מיוניסיפּאליזירונג קען מען מאַכען געלד און מען קען פארלייכטערן דעם דרוק פון דיא שטייערן.

קיין צווייפעל ניט אז דאס איז געווען זעהר א וויכטיגע ענטדעקונג. זיא האָט ערמעגליכט ווי

בירמינגהאם, אזוי אויך הונדערטע אנדערע שטעדט אין ענגלאנד, דורכצופיהרען גרויסע היגיעניש־סאניטארנע ארבייטען, ווי קאַנאַליזאַציאָן, גוטע וואסער־פערזאָרגונג, גוט־ברוקירטע גאַסען, גרויסע פארקען א. ד. ג. וואָס האָבען שטארק פארמינדערט די שטערבליכקייט און קראנקהייטען פון פאָלק. מען דארף ניט פארגעסען אז די ענגלישע שטעדט זיינען געווען די ערגסטע אויף דער וועלט — וואהרע פעסטלעכער וויא עס קען שאפען נאָר א קאפיטאליזמוס, וואָס האָט איבער זיך קיין אויבערהאר ניט. שוין לאנג האָבען וועגען דעם געשריען פילאנטראָפען און סאָציאַל־רעפאָרמאטאָרען. זיי האָבען אויפגעוויעזען אז דער שרעקליכער צושטאנד פון די שטעדט איז איינער פון די וויכטיגסטע אורזאכען פון „פויפעריזם“, וואָס לעגט זיך מיט אַזאַ לאסט אויף די שטייער־צאָהלער. דער בעריהמטער פערפאסער פון דעם געזעטץ וועגען אונטערשטיטצונג פון ארימע לייט פון 1834 („פור לאָאָ אמענדמענט אקט“), סער עדווין טשאַדוויק, איז צו דערזעלבער צייט געווען אויך א הייסער אדוואָקאט פון סאניטארנע רעפאָרמען און האָט נאָכאַנאַנד געשטרעבט צו איבערצייגען דעם פובליקום אז כל זמן די שטערבליכקייט און די קראנקהייטען צווישען דער שטעדטישער בעפעלקערונג וועלען זיין הויך, וועלען אויך די ארבייטס־הייזער זיין פול און דער שטייער־לאסט וועט זיין שווער. אָבער ניט די רייד, ניט די שרעקליכע כאָלעריע־עפּידעמיען, וואָס האָבען מעהרערע מאָל פארוויסטעט ענגלאנד אין דעם ערשטען העלפט פון דעם 19־יאָהר־הונדערט, האָבען פארמאָגט צו בעוועגען די הערשענדע בורזשואזיע, אז זי זאָל זיך נעהמען צו דער אויסבעסערונג פון די בעדינגונגען פון דעם שטעדטישען לעבען. אזוינע ארבייטען וואָלטען אָבגעקאָסט א תהום געלד. און אויף גרויסע געלד־אָפּפערונגען איז די בורזשואזיע ניט געווען בערייט.

אָט דאמאָלס טאקי איז ארויסגעטראָטען טשעמבערליין מיט זיין פּלאַן און האָט דערמיט געלייזט די שווערע פראגע. איין שטאָדט נאָך דער אנדערער האָט גענומען מוניסיפּאליזירען די שטאָדטישע עפענטליכע געשעפטען: די גאז־בעלייכטונג, וואסער־פערזאָרגונג, שטראַסען־באהנען, אַם ליעבסטען די גאז־בעלייכטונג, און דערמיט האָבען זיי בעקומען די מיטלען צו פערנשטאלטען אזוינע ארבייטען, וועלכע זיי האָבען פריהער כמעט ווי גאָר ניט געקענט אָנפיהרען. מיר זעהען טאקי אז גראד פון דעם מאָמענט אָן, ווייזען די ציפערן פון שטערבליכקייט אין ענגלאנד א גרויסע פארמינדערונג.

וועדליג צ. ב. נאָך אין דער פעריאָדע פון 70־1866 איז די שטערבליכקייט אין ענגלאנד געווען 22.4 פון 1000 איינוואָהנער און אין 75־1871 22.0, איז זיא אין דער פעריאָדע 80־1876 געפאלען אויף 20.3 פון 1000 איינוואָהנער אין 1881־85 אויף 19.4 פון טויזענד. אין 1886־90 אויף 18.9 פון 1000 א. ז. וו. בעזאָנדערס אין די גרויסע שטעדט זעהען מיר פאָלגענדעס:

שטערבליכקייט פון 1000 איינוואָהנער.

לאָנדאָן	24	24	22.4	20.3
בירמינגהאם	27	27	25.8	32.0
ליווערפול	33	39	33.6	33.1
מאנטשעסטער	31	33	32.9	26.9
ליעדז	28	30	26.0	22.4
שעפפילד	28	29	27.4	23.6

מיר זעהען אז אין די 20 יאהר פון 1851 ביז 1870 האָט זיך די שטערבליכקייט ניט נאָר ניט פארמינדערט, נאָר פארקעהרט, פארגרעסערט. אין דער פעריאָדע אבער פון 1871־80 איז די שטערבליכקייט מיט איין מאָל פלוצלינג געפאלען און אין די נעקסטע צעהן יאהר 1881־90 איז זיא געפאלען נאָך מעהר. עס איז קלאָהר, אז דער יאהרצעהנט 1871־80 איז געווען א ווענדעפונקט: פון דאמאָלס אָן האָבען זיך די שטעדט גענומען צו דער ארבייט לויט טשעמבערליין'ס פלאָן.

עס וואָלט געווען א טעות צו מיינען אז די פּראָפיטען, וועלכע עס זיינען געווען ערציעלט פון די שטעדט־אונטערנעהמונגען, פלעגען דירעקט פארווענדעט ווערען אויף די דאָזיגע סאניטארנע און זאָנסטיגע מעליאראציאָנען (אויסבעסערונגס־ארבייטען). דאָס וואָלט דעם שטייער־צאָהלער ניט געפאסט אין גראם. אלס א בירגער, איז ער טאקי געווען פעראינטערעסירט אין די מעליאראציאָנען; אָבער אלס אייגענטהימער פון אונטערנעהמונגען וואָס ווארפען אָב פּראָפיט, וואָלט ער געדארפט געהערען צו גאָר אן אנדער געזעלשאפט. אויב ער וואָלט זיך ענטזאגט צו מאכען דערביי אויף פאר זיך גופא א פּאָאר גראָשען. און טאקי דער געזעץ האָט אויסדריקליך פערבאָטען צו פערווענדען די מוניסיפּאל־פּראָפיטען אויף וואָסערע עס איז אנדערע צוועקען, חוץ די פערלייכטערונג פון דעם שטייער לאסט. קומט נאָכדעם אויס אויסצוגעבען ווייטער געלדער, זאָ מוז זיך די שטאָט פון דאָס נייע ווענדען צו דעם שטייער־צאָהלער. דאָס האָט געגעבען דעם שטייער־צאָהלער די מעגליכקייט אזוי צו רעגולירען די אויסגאבען אויף די מעליאראציאָנען, אז זיי זאָלען אלע מאָל בלייבען קלענער וויא די פּראָפיטען,

וואס קומען צו איהם אריין אין קעשענע. האט צ. ב. דיא שטאדט פאריגעס יאהר ערציעלט פון איהר גאז־אנשטאלטען א פראפיט פון 50 טויזענד פונט, זא ווערען היינטיגען יאהר דיא שטייערען געהעכערט — אויב מען ברויכט איבערהויפט האבען פרישע געלד אויף נייע מעליאראציאנען — אויף אזוי פיעל, אז זייער סומע זאל אין קיין פאל ניט איבערשטייגען 50 טויזענד פונט, נאר פערקעהרט, זאל זיין עפעס קלענער. אויף אזא אופן בלייבען דיא שעפסען גאנץ און אויך דיא וועלף זאטט. דער שטייער־צאהלער פערדיענט פון דיא שטאדטישע אונטערנעהמונגען און צו דערזעלבער צייט געהען דיא מעליאראטיווע ארבייטען נאכאנאנד ווייטער. אן דאס ערקלערט דיא ערשיינונג, וואס איז אויפ'ן ערשטען קוק זעהר אויפפאלענד און וואס גיט אויך דיא געגנער פון מוניציפאליזאציאן אן אנלאס צו קריטיקירען דיא מוניציפאל־פערוואלטונג און זאגען אז זיא איז טהייערער וויא פריוואט־פערוואלטונג, נעמליך, אז גראדע אין דיא שטעדט, וואו עס עקסיסטירען מוניציפאלע אונטערנעהמונגען, האלטען דיא שטייערן דאס רוב אין איין וואקסען. דער דאזיגער וואקסען איז אבער נאר לפנים, אין אמת'ן גיבען דיא שטייער־צאהלער דורך דעם צוריק אב א טהייל פון דעם פערדיענסט וואס זיי האבען ערהאלטען פון דיא מוניציפאל אונטערנעהמונגען. וואלטען דיא דאזיגע פערדיענסטען, אנשטאט דורכצוגעהן דורך דיא קעשענעס פון דיא שטייער־צאהלער, געוועזן דירעקט פערווענדעט אויף מעליאראציאנען, דאן וואלט מען געזעהען אז דיא שטייערען וואקסען ניט, נאר פערקעהרט, ווערען אלץ קלענער.

מיר זעהען אלזא אז דער אור־שפרונג פון דעם מוניציפאל־סאציאליזמוס איז זעהר א פשוט'ער: ער איז ארויסגערופען געווארען פון דיא גאנץ גראבינקע קליין־בירגערליכע אינטערעסען פון דעם שטאדטישען שטייער־צאהלער: — דעם קרעמערעל, דעם לענדלארדל א. ז. וו. אויך דיא גרויס־בורזשואזיע האט פון איהם, נאטירליך, פראפיטירט, אבער פאר איהר האט דיא גראשענע פערלייכטערונג פון דעם שטייער־לאסט געשפיעלט א קנאפע ראלע. דערפאר טאקי איז טשעמבערליין רעגסטמאל פראקלאמירט געווארען פון דער גאנצער ענגלישער קליין־בורזשואזי פאר איהר העלד, — א טיטעל, וועלכען ער האט איצטער שוין פערלארען, זייט ער האט זיך אנגענומען דיא קריוודע פון דעם גרויס־קאפיטאל.

עס איז כדאי צו געבען א קוק, וויא ווייט, זייט יענער צייט, איז דיא מוניציפאליזירונג פון דיא שטעדטיגע אונטערנעהמונגען אין ענגלאנד פארטגעשריטען. מיר קענען לוידער נאר ברייננגען דא די וויכטיגסטע ציפערן, און מאנכע פון זיי, דערצו נאך, עטוואס פערעלטערטע. אין 1904 זיינען אין גאנץ ענגלאנד געוועזן א סך הכל פון 1300 וואסער־ווערקע; פון זיי האבען 1045 געהערט צו דיא שטעדט גופא. דער געזאמט־קאפיטאל, וואס איז אין זיי געווען אריינגעלייגט, האט געגרייכט 68 מיליאן פונט (340 מיליאן דאלאר) און דער יעהרליכער פראפיט (ברוטא פראפיט, ד. ה. אברעכענענדיג פון דיא איינקינפטע בלויז דיא עקספלואטאציאנס־הוצאות) האט בעטראפען 2½ מיליאן פונט (12½ מיל. דאל.) דיא צאהל פון דיא שטאדטישע שטראסענבאהנען (עלעקטרישע, פערדעבאהן, דאמפף, קייבעל און גאז) איז אין 1903 געוועזן 296; פון זיי עטוואס ווייניגער פון א העלפט, נעמליך 142, זיינען געלעגען אין דיא הענט פון די מוניציפאליסטעטען. דער קאפיטאל, וואס איז אין זיי (ד. ה. אין די מוניציפאלע) געווען אריינגעלעגט, האט בעטראפען כמעט 24½ מיליאן פונט (122½ מיליאן דאל.) און דער ריינער פראפיט איז געוועזן העכער 1½ מיליאן פונט (7½ מיל. דאל.) עס איז ווערט צו בעמערקען אז הגם די צאהל פון די מוניציפאלע שטראסענבאהנען איז קלענער פון דער צאהל פון פריוואטע, איז דאך זייער גזאמטע לענג — 1068 מייל — גרעסער, וויא דיא לענג פון דיא פריוואטע (704 מייל). דערפאר זיינען בלויז 86 באהן־ליניען פון דיא 142 עקספלואטירט פון דיא מוניציפאליטעטען גופא; דיא איבעריגע זיינען פארדונגען צו פריוואטע קאמפאניעס, וועלכע עקספלואטירען זיי. נעהמענדיג ווייטער דיא גאז־אנשטאלטען, געפינען מיר אז פון דיא 310 וואס זיינען אין 1903 געוועזן אין ענגלאנד, האבען 256 געהערט צו מוניציפאליטעטען. זייער געזאממט־קאפיטאל האט בעטראפען מעהר וויא 35½ מיליאן פונט (177½ מיל. דאל.) און דער ריינער געווינס איז געוועזן העכער 2¼ מליאן פונט (11¼ מיל. דאל.) ענדליך פון דיא 228 עלעקטריציטעט אנשטאלטען, וואס זיינען געוועזן אין ענגלאנד אין 1900, זיינען 165 געוועזן אין דיא הענט פון מוניציפאליטעטען, זייער קאפיטאל האט בעטראפען כמעט וויא 15 מיליאן פונט (90 מיליאן דאל.) און דער ברוטא פראפיט איז געוועזן העכער 600 טויזענד פונט (3 מיל. דאל.).

פון דיא ווייניגע ציפערן קענען מיר זעהען, וואס פאר אן אונגעהייערע בעדייטונג עס האט דערגרייכט דיא מוניציפאליזירונג פון דיא שטעדטישע אונטערנעהמונגען אין ענגלאנד. אום צו בעקומען א געזאמט־בילד פון דעם ענגלישען „מוניציפאל־סאציאליזמוס“, מוזען מיר זיך

װענדען צו א פּאַרלאַמענטאַרישע טאַבעלע װאָס געהערט צום יאָהר 1902, — עטװאָס פערעלטערט און אויך ניט פאַלשטענדיג, אָבער דאָך זעהר אינטערעסאַנט. מען מוז נאָר האָבען אין זינען אז דיא פינאַנציעלע אַנגאַבען הױן דעם קאַפּיטאַל — דיא יעהרליכע איננאַהמען, אויסגאַבען, פּראָפיטען און פערלוסטען — זיינען דורכשניטליכע פאַר דיא פיער יאָהר 1898 — 1902.

דיא צאָהל און ארט אונטערנעהמונגען.	דער קאַפּיטאַל, װאָס איז אריינגעלעגט (אין פונט סט.)	יעהרליכע איינ־נאַמען (אין פונטען סט.)	יעהרליכע אויסגאַבען (אין פונטען סט.)	יעהרליכע געװין (*) אָדער פערלוסט (—) (אין פונטען סט.)
193 װאַסערװערקע	59,943,016	3,186,965	3,096,837	90,128 —
97 גאַז־אַנשטאַלטען	24,028,116	5,833,360	5,438,535	394,825 —
102 עלעקטריציטעטס־אַנשט.	12,508,997	1,136,455	1,148,162	11,707 —
45 שטראַססענבאַהנען	9,754,453	1,483,317	1,383,999	99,318 —
228 מאַרק פּלעצער און געבויען	6,181,080	551,946	468,164	83,782 —
138 בעדער און װאַשהייזער	1,988,340	135,692	260,644	124,952 —
143 בעגרעבניס פּלעצער	2,382,305	156,897	220,681	63,784 —
24 ארבייטער־טענעמענטס	1,253,592	40,030	67,008	26,978 —
43 דאָקען, פּאַראָמען, האַפענס א. ז. װ.	5,421,827	379,002	456,726	77,724 —
16 אַנדערע קלענערע אונטערנ.	713,946	137,047	121,674	15,373 —
אַלע אונטערנעהמונגען צוזאַמען	121,172,372	13,040,711	12 662,430	378,281 —

אז מען גיט א קוק אויף דיא אונטערשטע שורה, קען מען מיינען אז דיא מוניציפּאַליזירונג פון דיא שטעדטישע אונטערנעהמונגען האָט גאָר נישט געבראַכט דעם שטייער־צאָהלער דיא גרויסע פערלייכטערונג װאָס ער האָט ערװאַרטעט. דיא ציפערן אין דער פינפטער קאָלאָנע װייזען אז פיעלע אונטערנעהמונגען גיבען גאָר א פערלוסט, אז אפילו דיא, װאָס גיבען א פּראָפיט, זיינען אויך ניט שטאַרק גלענצענד, און אז סך הכל גיבען אַלע אונטערנעהמונגען צוזאַמען בלויז א פּראָפיט פון 378 טויזענד פונט, װאָס מאַכט אויס אויף א קאַפּיטאַל פון העכער 121 מיליאָן פונט (605 מיל. דאָל.) — (2טע קאָלאָנע) װייניגער װיא א האַלב פּראָצענט. אין אמת'ן אָבער איז דער בילד, װאָס דיא טאַבעלע צייגט דאָ, אין פיעלע הינזיכטען גאַנץ פאַלש. פון א ריין קאָממערציעלען שטאַנדפּונקט בעטראַכטעט, מוז מען געדענקען אז דיא ציפער אין דער פיערטער קאָלאָנע ענטהאַלטען ניט בלויז דיא עקספּלואַטאַציאָנס־אויסגאַבען, װאָס קומען פאַר אין יעטװעדערן געשעפט, נאָר אויך דיא אָבצאָהלונגען פון פּראָצענטען אויף דעם קאַפּיטאַל און דיא אויסצאָהלונגען פון'ם קאַפּיטאַל גופא. דיא שטאָדט האָט דאָ קיין אייגענע קאַפּיטאַלען ניט, און װען זיא װיל אויסקויפען אָדער גרינדען פון דאָס ניי אן אונטערנעהמונג, מוז זיא דאָס געלד דערצו באָרגען. נאַטירליך צאָהלט זיא דערפאַר פּראָצענט און, לויט דעם געזעץ נאָך, מוז זיא אויך דעם קאַפּיטאַל־שטאַם ביסלעכװייז אויסלעשען דורך יעהרליכע אויסקויפען פון א געװיסע צאָהל אָבליגאַציעס, אָדער דורך איינצאָהלונגען אין א ספּעציעלען „אויסלעשונגס פאָנד,“ אָט די ביידערליי אָבצאָהלונגען בילדען אין אונזער פאַל צוזאַמען 4,240,450 פונט (21,202,250 מיל. דאָל.), װעלכע זיינען אריינגעטראָגען אין דער סומע פון אויסגאַבען אין דער פיערטער קאָלאָנע. װאָלטען די אונטערנעהמונגען געװען פּריװאַטע, װאָלטען דיא אויסגאַבען גאָר ניט עקסיסטירט. ביי פּריװאַטע קאָמפּאַניעס איז דער געליהענער קאַפּיטאַל דער קאַפּיטאַל, מיט װעלכען זיי אַרבייטען. די קרעדיטאָרען רופען זיך דאַן אָן אַקציאָנערען און בעקומען ניט דעם שטאַם, נאָר דיא גאַנצע פערדיענסטען פון דער אונטערנעהמונג אונטער דער פאָרמען פון „דיװידענדען“. װאָלטען אַלזאָ דיא מוניציפּאַליטעטען געמעגט האַנדלען װיא פּריװאַטע קאָמפּאַניעס, װאָלט אין דער סומע פון דיא פערדיענסטען אין דער פינפטער קאָלאָנע פיגורירט ניט דיא ציפער 378,281 פונט, נאָר 378,281 פ. מיט נאָך 4,240,450 פ., צוזאַמען — 4,618,731 פונט, אַלזאָ מעהר װיא 3½ פּראָצענט.

נאַטירליך, דאָס איז ניט מעהר װיא א פראַגע פון בוכפיהרונג. און עס קען דיענען בלויז אַלס אן ענטפער אויף דיא טענות פון דיא געגנער פון דיא מוניציפּאַליטעטען, װאָס װייזען אויף אויף דיא קנאַפּע פערדיענסטען פון דיא

מוניציפּאַל־אונטערנעהמונגען. פערקעהרט אָבער פיר די שטייער צאָהלער מאַכט עס קיין אונטערשיעד ניט, אויב דיא פּראָצענטען מיט דיא אָבצאָהלונגען אויף'ן שטאם ווערען אַריינגעטראָגען אין דיא אדויסגאַבען אָדער אין דיא פערדיענסטען, — זיי בעקומען סיי וויא סיי ניט מעהר וויא דיא 378,281 פ. וואָס זיינען פערשריבען אין דיא 5טע קאָלאָנע. פאר זיי אָבער קען דאָס דיענען אַלס אַ טרייסט, וואָס דיא טאַבעלע ענטהאַלט אויף אַזוינע אונטערנעהמונגען וואָס זייענען נאָר אָקערשט געוואָרען געגרינדעט און האָבען אַלזאָ נאָך ניט געקענט ניט אויפווייזען וואָסערע ניט איז פּראָפיטען, ניט אפילו בעצאָהלען דיא קאַפּיטאַל־אויסגאַבען. אַן עלעקטריציטעט־אַנשטאַלט, צ. ב., פאָדערט, וויינינגסטענס, 3—4 יאָהר איידער ער פאַנגט זיך אָן צו בעצאָהלען, ווייל עס פאָדערט אַ צייט ביז מען בעקומט אַ גענייגענדע צאָהל אַבאָנענטען. אויך אַ וואַסער־לייטונג נעהמט מעהרערע יאָהר — מאַנכעמאָל צעהנדליגע יאָהר — איידער זיא ווערט פאַרטיג און הויבט אָן צו פונקציאָנירען. דערווייל שלינגען אַזוינע אונטערנעהמונגען אַריין צעהנדליגע און הונדערטע טויזענדע פונטען און מען זעהט פון זיי קיין פעני ניט. אָט צוליעב דעם טאַקי וויזט אויף דיא אנגעפיהרטע טאַבעלע אַזאַ קנאַפּען פּראָפיט. פיעלע פון דיא אונטערנעהמונגען, וועלכע זיא ענטהאַלט, זיינען גאָר פרישע. אין אמת'ן, אַז מען זאָל נעהמען איינצעלנע אונטערנעהמונגען אָדער שטעדט, קען מען זעהן, אַז דער שטייער־צאָהלער בעקומט זעהר אַ פיינעם גראָשען. פון דיא גאַז־אַנשטאַלטען צ. ב. האָבען די בירמינגהאַמער שטייער־צאָהלער בעקומען אין 1902—1903 60 טויזענד פונט, בעלפאַסט — 28½ טויזענד פ., לעסטער 26 טויזענד פ., מאַנטשעסטער 133½ טויזענד פ. נאָטטינגאַם 36 טויאַזענד פ., סאַלפאָרד 30 טויזענד פ., ליעדז 11 טויזענד פ. א. ז. וו. פון דיא עלעקטרישע טראַמוויים האָבען דיא **גלאַזגאָער** שטייער־צאָהלער בעקומען אין דעם זעלביגען יאָהר 25 טויזענד פ., האלל — 14½ טויזענד, ליעדז — 62 טויזענד, ליווערפּול — 25 טויזענד, מאַנטשעסטער 30 טויזענד, נאָטטיגאַם — 18 טויזענד פ. א. ז. וו. זאָגאַר פון דיא וואַסער־לייטונגען, וואָס ווערען מייסטענס עקספּלואַטירט ניט פאר קיין פּראָפיט, נאָר פאר סאַניטאַר־היגיענישע צוועקען, האָבען די שטייער־צאָהלער אין אַ באַלטאַן בעקומען אין 1903 12½ טויזענד פ., אין ליעדז 43 טויזענד פונט, אין ליווערפּול — 61 טויזענד פ., אין שעפּפילד — 26 טויזענד פ. א. ד. גל.

בכן זעהען מיר אַז טשעמבערליין'ס פּלאַן איז גאַנץ גוט געלונגען, דער „מוניציפּאַל־סאָציאַליזמוס" האָט געמאַכט זעהר גוטע פאָרטשריטטע און האָט בעדייטענד פערגרינגערט דעם שטייער־צאָהלער דיא לאַסט, וואָס וואָלט געפאַלען אויף איהם, ווען ער וואָלט בעדאַרפט צאָהלען די קאָסטען פון דיא פערשיעדענע סאַניטאַרנע און זאָנסטיגע מעלעאָראַציעס בלויז פון זיין קעשענע. דער מוניציפּאַל־סאָציאַליזמוס ערשיינט דעריבער אין דער ערשטער רייהע אַלס אַ קליינבירגערליכער מיטעל צו פערלייכטערען זיך דיא אויסגאַבען, וואָס דער שטאַאַט לעגט ארויף אויף דיא שטעדט.

אפאריזמעס פאר רעוואָלוציאָנערען

פון בערנארד שאו.

דער גאָלדענער רעגעל איז, אַז עס זיינען ניטאָ קיין רעגלען.

דיא טהאַטען לערנען אונז, ניט אָבער דיא נעמען וועלכע מיר גיבען זיי.

פערברעכען איז נור אַ קליינער אויספערקויף פון דעם, וואָס מיר רופען אין גרויסער פאָרמאַט — שטראַפגעזעצען.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז דיא קונסט אויסצוקוועטשען פון לעבען אַזוי פיעל וויא נור מעגליך.

דער פערנינפטיגסטער מענש פּאַסט זיך צו צו דער וועלט, דער אונפערנינפטיגסטער רעדט זיך איין אַז ער מוז צופּאַסען דיא וועלט צו זיך.

דערפאַר היינגט אָפּ דער פּראָגרעס פון דיא אונפערנינפטיגסטע מענשען.

ווער עס הערט זיך צו צו דעם קול פון שכל, דער איז פאַרלאָרען. דער שכל מאַכט פאַר שקלאַפען דיא אַלע וועלכע זיינען ניט שטאַרק גענוג צו הערשען איבער איהם.

אנשטענדיגקייט איז דיא פערשווערונג פון אונאַנשטענדיגקייט מיט שווייגען.

מאַך דיין אומגליק פאַר דיין קולע. אָבער, ווען דוא זעהסט אַז אַן אַנדערער טהוט עס, היט זיך פאַר איהם.

דער ווילדער קניעט פאַר געצקעס פון האָלץ. דער ציוויליזירטער — פאַר געצקעס פון פלייש און בלוט.

די דומא און די רעוואָלוציאָן.

.1

דומא און רעוואָלוציאָן זיינען א לאנגע צייט געווען צוויי קלאָהרע פּאָליטישע בעגריפען, צוויי בעשטימטע, זעלבשטענדיגע פּראָגראמען. דומא איז געווען די פּראָגראם פון די בעזיצענדע קלאסען אין רוסלאנד. רעוואָלוציאָן — פון די פּראָלעטארישע קלאסען. פאר די בעפרייאונג פון רוסלאנד האָט דומא געהייסען דאָס פּראָגראם־מינימום, רעוואָלוציאָן — דאָס פּראָגראם מאקסימום.

די פערשיעדענהייט פון די צוויי בעגריפע האָט ארויסגערופען פיינדשאפט צווישען זייערע אנהייגנער. די קלאסען, פאר וועמען די דומא איז געוואָרען דער אידעאל, האָבען אלע האָפנונגען געבויט אויף דעם באלד, אויף דעם היינט. פאר דעם שפּעטער, פאר די צוקונפט האָבען זיי געהאט נור א געפיהל פון שרעק.

פארקעהרט, די פּראָלעטארישע קלאסען און זייערע ווארטפיהרער, די רעוואָלוציאָנערע פּארטייען, האָבען ווייניג וואָס האָפנונג און גלויבען געהאט אין דעם היינט. די רעפאָרמען און הנחות פון דער האנד פון דער זעלבסטהערשונג איז פון זיי בעטראכט געוואָרען אלס א שעדליכער בערוהיגונגס־מיטעל געגען רעוואָלוציאָנערען פיבער. זייערע האָפנונגען האָבען זיי געבויט אין גאנצען אויף דעם שפּעטער, „אויף דעם מאָרגען נאָך דער רעוואָלוציאָן“, און דערפאר האָבען זיי פאר דער דומא געהאט נור געפיהלען פון פיינדשאפט און פעראכטונג.

אָט אזוי האָבען זיך אויסגעארבייט צוויי טאקטיקען : בעגייסטערונג און פערגעטערונג פון דער דומא אויף דער זייט פון דער בורזשואזנער אָפּאָזיציאָן, פעראכטונג און פּראָטעסט געגען דער דומא אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציאָן. די בורזשואזנע אָפּאָזיציאָן, די ליבעראלען, די קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראטען האָבען גאנץ קלאָהר און אָפען געפּריידיגט: מען דארף זיך ענטזאגען פון דער צוקונפט, פון דער רעוואָלוציאָן און געהען אין דער דומא און דורך די דומא, אויפ'ן פריעדליכען אופן, טהיילען די מאכט מיט דער זעלבסטהערשונג. זיי האָבען קיין מאָל ניט געלייקענט, אז א קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע איז נעהענטער צו זייער הארצען, וויא א פּראָלעטארישע רעפּובליק.

אויף די רעוואָלוציאָנערען האָט די הייסע בעגייסטערונג פון דער בורזשואזיע פאר די דומא געווירקט וויא א אייז־קאלטער שטראָם וואסער. וואָס מעהר האָפנונגען יענע האָבען גענומען בויען אויף די דומא, אלץ פיינדליכער האָבען די רעוואָלוציאָנערען זיך גענומען ארויסווייזען צו די וואהלען.

די רעוואָלוציאָנערען האָבען איבערהויפּט געוואָלט שפּיעלען די ראָלע פון קונציגע, איבערגעשפּיצטע און איבערקלוגע פּאָליטיקער : אנשטאט זיך צו רעכענען מיט דער זאך, צו אנאליזירען די לאגע און רוהיג אָבצואוועגען די פּאָרטהיילע און שאדענס, וועלכע דער אנטהייל אין די וואהלען און דער דומא קען געבען, האָבען זיי גענומען בויען זייער טאקטיק אויף די חשבונות פון די געגנער: ווייל די געגנער ווילען א דומא, מן הסתם מיינען זיי דאָך אונז אָבצונארען, דערפאר וועלען מיר זיי ווייזען אז מיר זיינען איבערגעשפּיצטער, און וועלען ניט הולך'ן.

די רעוואָלוציאָנערע פּארטייען האָבען אויף זיך איבערגענומען בנוגע די דומא די ראָלע פון דעם אלטען גריכישען פאפיסט גארגיאס. „קיין זאך עקסיסטירט ניט, — האָט גארגיאס געלערנט — און ווען אפילו עס וואָלט יא עקזיסטירט, וואָלטען מיר ניט עס געקענט וויסען, און ווען מיר וואָלטען אפילו יא געקאנט וויסען, וואָלטען מיר ניט געקאָנט מיטטהיילען אן אנדערן.“

דורך אזויגע דרייפאכע ארגומענטען האָבען די רעוואָלוציאָנערען פערטהיידיגט די טאקטיק פון באָיקאָט. ערשטענס וועט קיין דומא גאָר ניט זיין. די וואהלען זיינען נור א פאסטקע אריינצוכאפּען די בעסטע אגיטאטאָרען. צווייטענס, אויב די וואהלען וועלען אפילו שטאטפינדען, וועט די דומא ארויס א הוליגאנסקע. און דריטענס, אויב עס וועט אפילו אין דער דומא אריין א שטארקע אָפּאָזיציאָן וועט זיא דאָך זיין מן הסתם א בורזשואזנע, ווארום די בעזיצענדע קלאסען האָבען דאָך גרעסערע וואהלרעכט און קענען דאָך שיקען מעהר דעפּוטאטען און דערפאר וועט אפילו די אָפּאָזיציאָן ניט וועלען קיין זאך אויפטהון. און ווען זיא זאָל אפילו וועלען, וועט זיא ניט קענען. ווארום דורך א גאנצע רייהע פּאראגראפען בעוויזט מען אייך, אז די דומא האָט קיין רעכט ניט און ניט קיין מאכט.

דורך די דרייפאכע ארגומענטען איז דער

באיקאט בעשלאכען געווארען. דער וואהלפעלד איז אין גאנצען איבערגעלאזען געווארען דער בורזשואזנער אפאזיציאן. און... דעם רעזולטאט ווייסט איהר אלע: דיא גאנצע קראפט פון פאלקס האס און פאלקס צארן געגען דער זעלבסטהערשונג און איהרע בלוטיגע טהאטען איז קאנצענטרירט געווארען אויף דער איין פארטיי. און וויא דורך א צויבערקראפט איז די פערטרעטערין פון בורזשואזנעם ליבעראליזמוס, דיא קאנסטיטוציאנעלע דעמאקראטישע פארטיי (דיא קאדעטען), געטריעבען געווארען אליין העכער און העכער. און עס איז געשעהען, וואס קיינער האט ניט ערווארטעט: דיא בורזשואזנע אפאזיציאן איז אריין אין דער דומא ניט נור אלס א מאכט, זאנדערן אלס דיא איינציגע מאכט. זיא איז געווארען דיא הערשערין אין דער דומא. זיא איז געווארען דורך דעם אין די אייגען פון גאנץ רוסלאנד דיא פארשטעהערין פון פאלק. אויף איהר האט מען גענומען קוקען. פון איהר ערווארטען, אז זיא זאל בריינגען דעם בעפרייאונגסשיף אין זיכערען האפען.

קיין איינציגע פון דיא „קונציגע" חשבונות פון דיא רעוואלוציאנערע פאליטיקער איז ניט ערפילט געווארען. דער באיקאט האט זיך ארויסגעוויזען פאר א דורכפאל דורך און דורך. און ער האט ניט געקענט ניט דורכפאלען, ווארום, — וויא קוויטסקי בעמערקט, — זיינע פערטהיידיגער האבען אליין בערעכענט, נור איין זאך האבען זיי פערגעסען, נעמליך, אז רוסלאנד לעבט איבער א רעוואלוציאן און אז דיא מאסען בעגריסען און זיינען געגרייט צו שטיצען יעדער אקטיווען איינדרוק פון פראטעסט געגען דער זעלבסטהערשונג. דיא וואהלען זיינען געוועזען דער ערשטער ארגאניזירטער מאסען-פראטעסט, מאסען-פערדאמונג פון אלע קלאסען פון פאלק געגען דער עקזיסטירענדער, בלוטיגער סיסטעם. און דיא פרוכט פון דעם מערקווירדיגען איינשטימיגען פראטעסט האבען די רעוואלוציאנערע פארטייען דורך אייגענע שולד, זיך געלאזען בערויבען.

ווען מיר האבען פאר צוויי חדשים צוריק דיא געדאנקען אויסגעדריקט (זעה „צוקונפט" מאי: „איבער דער וועלט") האט אונזער קריטיקער געג. באראנאוו אין „צייטגייסט" אויף דעם בעמערקט: דאס איז העכסטענס דיא פריוואט מיינונג פון א מאן, וואס איז 3000 מייל ווייט פון רוסלאנד.

מיר קענען מיט צופריעדענהייט אויף דעם ענטפערן: יא, דיזע „פריוואט מיינונג פון א מאן וואס איז 3000 מייל ווייט פון רוסלאנד" איז אין פערלויף פון דיא צוויי חדשים בעשטעטיגט געווארען ניט נור פון פערשיעדענע אנדערע פערזאנען וואס וואהנען פיעל נעהענטער צו רוסלאנד, וויא צ. ב. קוויטסקי, וועלכער לייגט שוין גאר גרויסע האפנונגען אויף דיא דומא; אדער וויא דיא שטריינג מארקסיסטישע „לייפציגער פאלקסצייטונג", וועלכע בעהויפטעט, אז „דיא דומא איז א קינד פון דער רעוואלוציאן און דורך דיא דומא האט דיא רעוואלוציאן בעקומען א מויל". פון יענער צייט אן האט דער קאנגרעס פון דער רוסישער סאציאל דעמאקראטיע אליין אויף וועלכען עס זיינען געוועזען פערטראטען אויך דיא געוועזענע אנהייינגער פון באיקאט („דיא באלשעוויקעס") און וואו זיי זיינען זאגאר געוועזען אין דער מאיאריטעט, אנגענומען פאלגענדע רעזאלוציאן: „דער קאנגרעס דריקט אויס זיין אונצופריעדענהייט מיט דעם באיקאט פון דיא וואהלען אין דער דומא". פון יענער צייט אן האט אפילו דיא אייפריגסטע אנהייינגערין פון באיקאט און פיינדין פון דער דומא, דיא „ווילנער פאלקסצייטונג" אויפגעגעבען איהר בעשטימטע פאזיציאן און אין נומער 68 אין א לייטארטיקעל פערענטפערט זיא זיך פאר וואס „זיא פערנעהמט ניט קיין בעשטימטע פאזיציע בנגוע דער דומא".

2.

אלע פעסימיסטישע נביאות פון דיא רעוואלוציאנערען בנגוע דיא דומא האבען זיך ארויסגעוויזען פאר אונבעגרינדעט אין זייערע חשבונות פאר פאלש.

און דיא בורזשואזנע אפאזיציאן? וויא שטעהט עס מיט איהרע אפטימיסטישע נביאות? מיט איהרע בעגייסטערטע, הייסע האפנונגען?

אונזערע לעזער ווייסען, אז דער ערפאלג פון דער בירגערליכער אפאזיציאן ביי דיא וואהלען איז געוועזען א גוואלטיגער, זייער זיעג א אונגעהייערער. פיעל שטארקער איידער זיי האבען אליין געחלומ'ט זיינען זיי אריינגעצויגען אין דער דומא. דיא קאדעטען אליין האבען א זיכערע פעסטע מאיאריטעט אין דער דומא. זייערע געגנער פון רעכטס זיינען אין גאנצען אונבעדייטענד. דיא אפאזיציאן פון לינקס, דיא „ארבייטס-גרופע" איז אפילו א צימליך שטארקע פארטיי, איבער הונדערט מאן שטארק, אבער זיא האט, אייגענטליך, דיא ערשטע צייט זיך אליין בעטראכטעט אלס א לינקען פליגעל פון דער קאנסטיטוציאנעל-דעמאקראטישער פארטיי. זיא איז דיא גאנצע צייט דערווייל געגאנגען האנד אין האנד מיט דיא קאדעטען, אדער, ריכטיגער געזאגט, זיא האט זיך געלאזט בינדען הענד און פיס פון די קאדעטען. און דיא קליינע סאציאליסטישע פראלעטארישע גרופע וואס האט זיך אבגעריסען פון דער גרויסער ארבייטס-גרופע, בעשטעהט פון צופעליג אריינגעפאלענע סאציאל דעמאקראטען, וועלכע זיינען „געלאפען" אויף

אייגענע ריזיקע געגען דעם ווילען פון דער פארטיי, עובר זייענדיג געגען דיא דיסציפלין, און זיא איז אזוי שוואך אז קיין ערנסטע „טראָבעל“ קען זיא דיא קאדעטען ניט אָנמאכען.

דיא האָפנונגען פון דיא בורזשואזנע אָפּאָזיציאָן אויף דיא וואהלען זיינען ערפיללט געוואָרען אויפן גלענצענדסטען אופן. ניט אזוי אָבער איז געווען מיט זייערע פאנטאזיען און ערווארטונגען אויף דיא רעזולטאטען פון זייער אונגעהייערן זיעג.

זייענדיג „פּרינציפּיעלע“ אפּארטוניסטען, שטענדיג גערייט צו מאכען א פּריעדליכע און פריינדליכע פּרשה מיט דער זעלבסט הערשונג פּאר א גאנין קליינעם מקח, פאר א קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע, וואו זעהר א גרויסע דעה און מאכט זאָל האָבען דיא „קרוין“, און דערצו נאָך זייענדיג גרויסע בעלי־בטחון, האָבען דיא קאדעטען געהאט געוויסע אורזאכען צו גלויבען, אז ווען זיי וועלען נור האָבען דיא מאכט אין דער דומא, דאן וועט מען לייכט און שטיל קענען אריינשווימען אין רוהיגען „קאָנסטיטוציאָנעלען“ האפען.

דיא חשבונות זייערע האָבען זיך אויסגעלאָזען אין גאנצען פאלש. דיא זעלבסט הערשונג האָט אין קיינע פּשרות זיך ניט געוואָלט אריינלאָזען און קיין פונקט ניט נאָכגעבען דער דומא. שוין דיא זעקסטע וואָך וויא דיא דומא האלט אָפּ איהרע זיצונגען. אין פערלויף פון דיא טעג זיינען אָנגעהאלטען געוואָרען אין דער דומא פיעל רעדען, פּרעכטיגע, רעוואָלוציאָנערע רעדען. דיא רעדען האָבען געהאט אין אנפאנג א געוואלטיגע פּראָפּאגאנדיסטישע בעדייטונג. דאס גאנצע לאנד האָט זיך צוגעהערט מיט אָנגעשטריינגטער אויפמערקזאמקייט צו דיא רעדען.

און ניט נור דיא רעדען, דיא גאנצע האלטונג פון דער דומא האָט ארויסגערופען צו איהר אכטונג און סימפּאטיען. דיא רעוואָלוציאָנערע קראפט, וועלכע האָט ארויפגעהויבען דיא קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראטען אויף דער פּאָליטישער אויבערפלעכע, זיא האָט זיי אין דער דומא גופא זיי געטריבען אַלץ ווייטער, אַלץ לינקער און זיא האָט געמאכט זייערע רעדען אַלץ רעוואָלוציאָנערער, אַלץ שארפער.

דער פיהרער פון דיא קאדעטען ראדיטשאוו האָט אין צווייטען טאָג פון דער דומא זיצונגען נאָך גערעדט וועגען א בונד צווישען „צאר און זיין פאָלק“. אין אכט טאָג ארום האָט ער שוין געזאָגט צו דיא מיניסטאָרען: זאָגט אייער האר, אז מיר זיינען דאָ דיא בעלי־בתים.

דיא עקזיסטענין פון א שטארקע בויערן־פארטיי אין דער דומא גופא האָט זיך ארויסגעוויזען פאר דעם מעכטיגסטען רעוואָלוציאָנערען פאקטאָר. דיא בויערשע אָרימקייט, דער בויערשער הונגער האָט צום ערשטען מאָל גענומען שפּיעלען אין רוסלאנד זיין אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנירענדע ראָלע.

ווען מען זאָל זיך ניט ווע̇לען צוצעפּענען צו דער דומא, קען מען צוזאמען מיט דער „לייפּציגער פאָלקסצייטונג“ מסכים זיין, אז „דיא ביזהעריגע האלטונג פון דער דומא קען אין דעמאָקראטישע און רעוואָלוציאָנערע קרייזען ארויסרופען סימפּאטהיע צו איהר. מען קען ניט צושטימען צו אַלע איהרע רעדעס און בעשליסע. אָבער דער גייסט, וועלכער וועהט אין דיא דעבאטען איז גוט און דורכדרונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער שטימונג וואָס הערשט איצט אין דער רוסישער נאציאָן. אין דער דומא האָט דיא רעגיערונג געגעבען דער רעוואָלוציאָן א שופר“.

דאָס אַלץ איז גוט און שעהן. דאָס אַלץ איז ריכטיג. אָבער, ניט קוקענדיג אויף דעם, האָט יעדער טאָג ווייטער, געוויזען אז דיא דומא האָט אויסער דער פּראָפּאגאנדיסטישער רעוואָלוציאָנירענדער ארבייט גאָר ניט אויפגעטהאָן און קען ביי איהר איצטיגען רעכטליכען צושטאנד גאָר ניט אויפטהאָן.

דער „דוואדצאטי וועק“, מאכט א קליינעם חשבון פון דיא טריומפען אויף דיא זיצונגען פון דער דומא: „איינשטימיג האָט מען געפאָדערט אמנעסטיא, איינשטימיג איז אָנגענומען געוואָרן דער אדרעס. גארעמיקינס מיניסטעריום האָט מען צופאָגראָמעוועט. און דער רעזולטאט ?

„דער רעזולטאט? דערמאָנען? אמנעסטיא איז ניטאָ, דעם אדרעס האָט ניקאָלאי אליין ניט אָנגענומען. גארעמיקין׳ס מיניסטעריום בלייבט אין מאכט“.

און בלייבענדיג אין מאכט, טהוט גארעמיקין׳ס מיניסטעריום אָפּ דיא שוידערליכסטע פערברעכענס גאנץ רוהיג, קאלטבלוטיג. מען היינגט און מען דערשיסט רעוואָלוציאָנערען, ווייל דיא דומא האָט זיך אָנגענומען פאר זיי. מען אונטערדריקט און פערפאָלגט ציימונגען. מען האָט פערשטארקט דיא פּאָליציי. מען גיט ארויס אָהן דער דומא אזוינע רעאקציאָנערע געזעצען, וויא דער געזעץ וועגען דיא סטרייקען פון דיא דאָרפישע ארבייטער. מען פיהרט זיך אין דיא רעגיערונגס קרייזען בכלל אזוי, וויא קיין דומא וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געוועזן.

עס האָט זיך אין פערלויף פון דיא עטליכע פארלאמענטארישע וואָכען אין רוסלאנד איבערהויפּט אויסגעבילדעט א משונה׳דיגער צושטאנד, וועלכען דיא ווילנער „פאָלקסצייטונג“ כאראקטעריזירט גאנין קורין, און קלאָהר : „דיא דומא רעדט און דיא רעגיערונג טהוט איהרע מעשים“.

און דיא שעהנע פּרעכטיגע רעדען פון דער דומא, צו וועלכע מען האָט אין אנפאַנג זיך צוגעהערט מיט אַזאַ אויפמערקזאמקייט, האָבען אָנגעהויבען צו ווערן לאַנגווייליג פאר דיא מיטגליעדער פון דער דומא אַליין. מען האָט צו זיי נאָך מעהר פערלאָרען דעם אינטערעס אין לאַנד און דיא פּראָפּאַגאנדיסטישע ראָלע פון דער דומאַ ווערט מיט יעדען טאָג אַלץ קלענער, און מיט זאָרג און אונרוהע פרעגען זיך אַלע היינט: וואָס וועט דערפון אַרויס? וואָס דאַרף מען אָנהויבען צו טהאָן?

.3

„וואָס וועט דיא דומא טהאָן? — פרעגט דער „דוואדצאטי וועק“. צו דען וועט זיא זיך נעהמען צונויפשטעלען געזעצען פון דיא פאַר־אַיאָהריגע קאָנגרעס־בעשליסע? צו וועט זי דורכלאזען אָהן רעזולטאטען דיא וויכטיגע פּסיכאָלאָגיישע מאָמענטען“?

וואָס זאָל טהאָן דיא דומא? פרעגט דיא ווילנער בונדיסטישע „פאָלקסצייטונג“. „וואָס דאַרפען מיר, רעוואָלוציאָנערען, פאָדערן פון דער דומא? צו דארפען מיר למשל, פאָדערן אַז זיא זאָל זיך אַליין פאנאנדערגעהן? אָהן אַ ספק וואָלט אַזאַ אויפפיהרונג פון דער דומא געהאט אַ גרויסע אַגיטאַציאָנעלע בעדייטונג, נאָר פון דער אַנדערער זייט קומט דאָ אויף אַ פראַגע: צו וועט דיא פּאָליטישע ענטוויקלונג פון דיא פאָלקסמאַסען ניט געווינען מעהר דערפון וואָס דיא דומא וועט ווייטער זיצען?“



דיא דומא געביידע אין דער פרעזידענט פון דער דומא פּראָפעסאָר מוראמצעוו.

און דער צענטראַל אָרגאַן פון „בונד“, וועלכער האָט אַזוי לאַנג און אַזוי ענערגיש פערטהיידיגט אַ בעשטימטע אָפּאָזיציאָן קומט צום בעשלוס: „אונזער צייטונג קען אין דעם איצטיגען מאָמענט ניט געבען קיין פּראַקטישע עצות, אויב זיא וויל ניט ריזיקירען אַריינצולאָזען זיך דערביי אין אַ דעמאַגאָגיא אָדער אין אַ רעוואָלוציאָנערען אוטאָפּיזמוס“.

דער שטריינג רעוואָלוציאָנערער אָרגאַן פון „בונד“ ענטזאגט זיך צו עמפּפעהלען דער דומא אַ בעשטימטע טאַקטיק, ווייל ער האָט מורא פארן „רעוואָלוציאָנערען אוטאָפּיזמוס“. וואָס פאַר אַ וואונדער, וואָס דיא דומא פון דיא קאַדעטען, וועלכע האָבען, לויט דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם סאָציאַל דעמאָקראַטישען פאָלטאַווער „קאָלאָקאָל“, „שטענדיג זיך אויסגעצייכענט מיט זייער אונפעהיגקייט צו שטעלען פראַגען שאַרף“, וואָס פאַר אַ וואונדער וואָס זיא לאָזט פאַרביי דיא „פּסיכאָלאָגישע מאָמענטען“ זיך ניט קענענדיג בעשליסען אויף בעשטימטע שאַרפע טהאַטען ?!,

דער דומא פריינדליכער אָרגאָן פון דער רוסישער סאָציאַל דעמאָקראַטיע, דיא „נעווסקאיא גאַזעטאַ“ מיינט צו געפינען אַן ענטפער „אין דעם וואָרט, וואָס האָבען איצט דער פּראָלעטאַריאט און דיא וועהלער“. אָבער ער אַליין איז מודה, אַז „דער פּראָלעטאריאט אליין קען ניט עראָבערן דיא פרייהייט מיט זיינע אייגענע קרעפטען“. און דיא קאַדעטען האָבען מורא —

נאָך דער כאַראַקטעריסטיק פון „קאָלאָקאָל“ — „אי־פאַר דיא רעוואָלוציאָנערע זעלבסט־טהעטיגקייט פון דיא פאָלקס מאַסען, אי פאַר אַן אָפּענעם קאַמפף מיט דער רעגיערונג און זיך געפינענדיג צווישען צוויי פייערן, האָבען זיי שטענדיג זיך געפונען אין אַ מיטעל־לאַגע וואָס בעפריעדיגט ניט קיינעם פון דיא צוויי צדדים“.

און ניט נור קען דיא דומא זיך ניט בעשליסען דיא ערשטע אָבצוטהאָן אַזאַ ענטשיעדענע רעוואָלוציאָנערע טהאַט, וועלכע זאָל מאַכען אַ סוף צו דער, פאַר אַלעמען אונערטרעגליכער לאַגע. דיא רעגיערונג אַליין קען זיך ניט בעשליסען אָנצונעהמען מיטלען געגען דער דומא, כאָטש יעדער זיצונג פון דער דומא קאָסט איהר אַ שטיק פון איהר אויטאָריטעט.

אַזוי געהן טעג און פון דיא טעג ווערן וואָכען און יעדען טאָג ערווארט מען אומזיסט דיא גרויסע פאַסירונגען, דיא ענטשיעדענע טהאַט.

עס איז שווער נביאות צו זאָגען פון וועלכער זייט יענע ענטשיעדענע טהאַט וועט קומען. מען וואָלט אויך ניט געקענט פאָראויסזאָגען, צו וואָלט אַזאַ ענטשיעדענע טהאַט בכלל געקומען, ווען אויסער יענע צוויי צדדים — דיא דומאַ און דיא רעגיערונג — וואָלט זיך ניט געפונען אויך אַ דריטע האַנד אין שפּעל.

דיא דריטע האַנד, איז דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק, דיא רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען, מיט איין וואָרט דיא רעוואָלוציאָן. זיא איז אין דיא לעצטע חדשים אַביסעל פערשטופּט געוואָרען, אַביסעל אָבגעשוואַכט געוואָרען פון דיא פיעל בלוט וואָס זיא האָט פערלאָרען. זיא האָט נאַכהער אויף אַ ווײלע אָבגעטרעטען דעם אויבען אָן דער דומא. איצט אָבער מוז זיא זיא ווידער ווערן דיא טרייבענדע קראַפט.

דיא ענטוויקלונג געהט דיאַלעקטיש: דיא רעוואָלוציאָן און דיא דומא זיינען פריהער געווען בעטראַכט — וויא מיר האָבען שוין אויבען געזעהען — אַלס פיינדליכע געגענזעצע. דיא רעוואָלוציאָנערען האָבען דאַן זיך געכאַפּט נור פאַר רעוואָלוציאָן, אָבלייקענדיג דיא בעדייטונג פון דער דומאַ. דער גאַנג פון דער ענטוויקלונג האָט אָבער געבראַכט דערצו, אַז דיא רעוואָלוציאָן האָט אַרויסגעשטופּט דיא דומא. דער רעוואָלוציאָנערער אימפּעט האָט געשאַפען אַן אָפּאָזיציאָנעלע, זאָגאַר רעוואָלוציאָנערע דומא. דיא גאַנצע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע האָט זיך אַריינגעגאָסען דאַן אין דער דומא. און דיא דומא האָט איין צייט פערנומען דעם פּלאַטץ פון דער רעוואָלוציאָן. מען האָט געמיינט אין ווייטע קרייזען, אַז דיא דומא וועט קענען זיך בערוהיגען; מען וועט קענען אין גאַנצען אויסמיידען דיא רעוואָלוציאָן, האָבען געטראַכט איינע. דיא רעוואָלוציאָן וועט קומען דורך דער דומא האָבען געטראַכט דיא אַנדערע.

אויף דיא ענטגעגענגעזעצטע שטופּע אין דער ענטוויקלונג איז שוין פאַרביי. און מיר האַלטען היינט ביי דעם זינטעז פון דער ענטוויקלונג. אַנשטאַט דיא פאָרמעל: דומא אָדער רעוואָלוציאָן? זיינען מיר געקומען צו דער פאָרמולע: דומאַ אין רעוואָלוציאָן.

דומא אין רעוואָלוציאָן. זיי ביידע צוזאַמען קענען פיעל לייכטער, פיעל גרינגער פערטיג ווערען מיט דער צאַרישער בעסטיע איידער יעדע איינע בעזונדער.

דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק, דיא רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען מוזען פון איין זייט טרייבען פאָרווערטס דיא דומא און בעשיצען דיא דומא. פון דער אַנדערער זייט טאָרען זיי פאַר קיין פאַל זיך ניט פערלאָזען אין גאַנצען אויף דיא דומא. זיי מוזען געברויכען זייערע מיטלען, זייערע וואַפען זעלבסטשטענדיג.

דיא לעצטע קייבעלס ברייגען שוין פיעל ידיעות וועגען דעם נייעם אויפטרעטען פון דער רעוואָלוציאָן אויף דער ביהנע אין דער פאָרמע פון מיליטערישע בונטען, סטרייקס און איינצעלנע אויפשטענדע אין שטאָדט און אין דאָרף. און אָט דיא רעוואָלוציאָנערע פאָלקס־קראַפט, וועלכע האָט געשאַפען דיא אָפּאָזיציאָנעלע רעוואָלוציאָנערע דומא, ניט קוקענדיג אויף אַלע רעאַקציאָנערע מיטלען פון דער צאַרישער רעגיערונג, זיא וועט אויך אין אַ גאַנץ קורצע צייט אַרויספיהרען דיא דומא פון דער אונערטרעגליכער, דריקענדער לאַגע אין וועלכע זיא געפינט זיך, אויפן ברייטען וועג פון ענטשיעדענע רעוואָלוציאָנערע טהאַטען.

דומאַ און רעוואָלוציאָן אַלס צוויי גרויסע פעראייניגטע קרעפטען, דאָס איז דער פונקט צו וועלכען דיא רוסישע בעפרייאונג איז דערגאַנגען אין איהר ענטוויקלונג. דאָס איז זעהר אַ ווייטער פונקט. ער ליגט שוין ביים גרענעץ פון דער בעפרייאונג.

יאַ, מיר שטעהען ערב נייע, גרויסע קעמפּסע. מיר שטעהען ערב נייע, גרויסע זיעגען.

דר. ק. פאָרנבערג.

קאמוניסטישע קאלאניען אין דיא פעראייניגטע שטאטען.

.1

די פערשיעדענע פּראָבעס מיט א קאָלעקטיווער בעל־הבית׳ישקיט, וואו עס איז אין אלעמען געשאַפט געוואָרען דאָס פרינ־ פּ פון פּריוואַט־אייגענטהום אויף דיא פּראָדוקציאָנס־מיטלען וואו מען טרעפט נישט מחמת דעם ניט קיין בלוטזויגער און ניט קיין עקספּלואַטירטע, וואו יעדעס גליעד פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט באקומט דעם פולען ווערטה פון זיין ארבייט, — אָט אזעלכע פּראָבעס, זאָגען מיר — דאַרפען זיין פאר דעם דיינקענדען סאָציאַליסט נישט נאָר א מעהר אָדער וועניגער אינטערעסאנטע, אָבער אויך א גאַנץ וויכטיגע געזעלשאַפטליכע ערשיינונג. פון איין זייט האָט מען דאָ א טייערע געלעגענהייט צו איבערצייגען זיך, אויב דער מענש איז אי־בערהויפּט פּייהיג אויפצוגעבען דאָס פּרינציפּ פון פּריוואַט־אייגענטהום און מיט אלע זיינע לעבענס־מיטלען אָבצוהייגען פון א קאָלעקטי־וויסטישען פּראָדוקציאָנס־סיסטעם. פערטהיידי־גער פון קאַפּיטאַליזמוס האַלטען דאָך, וויא באַ־וואוסט, אין איין שטענדיגען טענה׳ן, אַז דיא צוגעבונדענקייט צו פּריוואַט־אייגענטהום איז ביי דער מענשהייט אן איינגעבאָרענע זאך, א מין אינסטינקט רחמנא־לצלן — א שיינע ריינע מתנה פון דער נאַטור גופא. און פון דאַנען איז שוין, פערשטעהט זיך, געדרונגען, אז דיא מענש־הייט וועט זיך קיינמאָל נישט בעפרייען אין אלעמען אָט פון דעם געפיהל. פון דער אנדערער זייט ווידער, קאן מען פון דיא פּראָבעס זעהן, וויא אזוי דער קאָלעקטיוויזמוס ווירקט בכלל אויף דעם מענשען׳ס פּסיכאָלאָגיע, אויף זיין גאַנצע פיזישע און גייסטיגע ענטוויקלונג. און נאָך וויכטיגער איז: וויא ווייט עס זיינען בע־גרינדעט דיא גוט־בעקאַנטע בעהויפּטונגען טאַקי פון דיא זעלביגע מליצי־יושר פאר׳ן קאַפּיטאַ־ליזם, אז דאָס נייע סיסטעם הרג׳עט כלומר׳שט אוועק דיא פּערזענליכע איניציאַטיווע, דיא פּראָ־גרעסיווע שטרעבונגען און שטרעמונגען, דעם אַלטרואיסטישען גייסט פון רחמנות און מסירת־נפש, בקיצור, אז דאָס שלעפּערט איין דעם מוח, און טריקענט אויס דאָס האַרץ.

מען דאַרף פערשטעהן, אז א קאָמוניס־טישע קאָלאָניע, געבויט אפילו אויף דעם פּרינ־ציפּיעלסטען פונדאַמענט, קען בשום אופן נישט אָנגענומען ווערען פאר א געטרייעם בילד (אין א קליינעם מאסשטאַב נאַטירליך) פון דעם צוקינפ־טיגען סאָציאַליסטישען שטאאַט. פאר וואָס דאָס איז אזוי, איז גאַנץ קלאָהר: א מענש, וועלכער האָט אָבגעלעבט א טהייל פון זיין לעבען אין דער נשמה־פּרעסענדיגער אַטמוספּערע פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, איז ניט מסוגל אין איין טאָג אריינצוקריכען אין דיא נייע פעל פון אן אמת־פרייען באַשעפענים. וויא דיא מעשה איז, אָבער דעם קרן פון דער סאָציאַ־ליסטישער געזעלשאַפט, דאָס גרונד־פּרינציפּ, דיא כאַראַקטער־שטריכען, דאָס אַלץ געפינט מען יאַ אין דער קאָמוניסטישער קאָלאָניע. און אָט דערין ליעגט דאָס, דער עיקר, דיא גרויסע פּראַק־טישע באַדייטונג פון דיא פּראָבעס מיט׳ן קאָ־לעקטיוויזמוס פאר דאָס סאָציאַליסטישע פּראָ־פּאַגאַנדאַ אין אַלגעמיין.

דיאָ דאָזיגע פּראָבעס זיינען געמאַכט גע־וואָרען אין פערשיעדענע צייטען און אין א סך לענדער. אָבער אין ערגעץ האָבען זיי אזוי שטאַרק נישט אויסגענומען און אזוי גרונטאָווגע זיך נישט איינגעוואָרצעלט, וויא אין דיא פעראיי־ניגטע־שטאַאַטען. נאָך בעסער: דיא אלע או־טאָפּיען, דיא אלע פּאָעטישע, ריינע חלומות פון א שעהנערער, ליכטיגערער, מעהר יושר׳דיגער, מעהר מענשליכער געזעלשאַפט, וואָס זיי זיי־נען אויסגעטראָגען געוואָרען אין דיא קעפּ פון דיינקער און הייסע מענשען־פריינד מעבר לים, זיינען מייסטענטיילס אויסגעפיהרט געוואָרען גראָד דאָ, אין אמעריקאַ.

איין זאך דאַרף מען האַלטען דערביי אין זינען: דיא פּראָבע־מאַכער האָבען ניט אנדערש געהאָפט, אז דאָס, וואָס זיי געהן יעצט גרינדען, איז נאָר א קליין — קערענדעל, און פון דעם קערענדעל וועט זיך מיט דער צייט ענטוויקלען א געזעלשאַפט מיט א פיעל העכערער מאָראַלי־שער און גייסטיגער קולטור. צוליעב דיא ברייטע פּלענער האָט מען געדאַרפט האָבען נאַטיר־ליך: ערשטענס — א סך ערד; צווייטענס — ערד, וואָס זאָל קאָסטען ביליג; און דריטענס ערד אין אזעלכע פערוואָרפענע מקומות, אז דאָס גרויס־שטאָדטיש לעבען זאָל דעם קרן פון קאָמונע

נישט קאָנען שעדיגען מיט זיין אונגעזונדען איינפלוס. דיא אלע בעדינגונגען האָט מען גע־קאנט געפינען אין אנהויב און אין מיטען פון 19טען יאָהרהונדערט (דיא צייט ווען דאָס רוב פון דיא פּראָבעס איז געמאכט געוואָרען) אין אמעריקא. גיכער וויא איבעראל. און אגב איז פאר דיא פּיאָנערען געוועזן טאקי א שטארקע צו־ציהונגס־קראפט דיא פּאָליטישע און רעליגיעזע פרייהייט פון יונגען לאנד און זיין מערקווירדי־גע רייכקייט אין נאטירליכע עשירות, וואָס זיי־נען נאָך געלעגען כמעט אונבעריהרט פון א מענשליכער האנד.

וויא פיעל פּראָבעס עס זיינען געמאכט געוואָרען מיט'ן קאָלעקטיוויזמוס אין אמערי־קא פאר דער גאנצער צייט (ס'הייסט פון 1607, ווען עס איז בעשאפען געוואָרען דיא ערשטע קאָמוניסטישע קאָלאָניע אין דזשיימסטאן, ווירד־זשיניא), קאָן מען אויף ריכטיג נישט זאָגען. מ. הילקוויט גיט אן דיא צאָהל פון עטליכע הונדערט, און אויך דאָס נאָר פאר דעם איין 19טען יאָהרהונדערט; פּראָפעסאָר בושי, דער שרייבער פון'ם ארטיקעל אין דער „קוואָרטערלי“ מאכט א חשבון בלויז פון 108 בסך הכל. דער חילוק אין דעם סך הכל איז ארויס וואהרשיינ־ליך, דורכדעם, וואָס איינער רעכענט אריין אין כלל איטליכע קאָלאָניע, וואו עס באמערקט זיך נאָר, אפילו נישט גאנץ דייטליך, א שטיקעל קאָמוניסטישער שניט; און דער אנדערער האנ־דעלט דורכאויס מיט סחורה, וואָס טראָגט אויף זיך דיא כשר'ע קאזיאָנע חתימה, און עס ארט איהם איבערהויפּט נישט, אז דיא צאָהל פון קאָ־לאָניען זאָל זיין וואָס קלענער. איינס איז אָבער יא זיכער: אז אין דיא אלע פּראָבעס האָבען זיך בעטהייליגט א גוטע צוויי־דריי הונדערט טויזענד פּערזאָן, על פי רוב הייסע און איבער־געגעבענע אנהייגער פון דעם קאָלעקטיוויסטי־שען פּרינציפּ. און אָט דאָס אייגענטליך דארף זיין פאר אונז דאָס וויכטיגסטע.

דער וויכטיגסטער־שטריך, וואָס טהיילט אָב איין קאָלאָניע פון דער צווייטער, בעשטעהט הויפּטזעכליך אין דיא מאָטיווען פון דיא גרינ־דער. ווייל דיא מאָטיווען אליין בעשטימען שוין נישט נאָר דיא פיהרונגען אין דער קאָלאָניע, זאָנדערן אויך דיא ריינקייט פון דעם קאָמוניס־טישען פּרינציפּ. און אויף דעם סמך צוטיילט מען דיא קאָמוניסטישע קאָלאָניען אין אמעריקא אין צוויי גרויסע גרופּען.

צו דער ערשטער גרופּע, דער עלטסטער, געהערען דיא רעליגיעז־סעקטאנטישע קאָמו־ניסטישע פּראָבעס. דיא גרינדער און זייערע נאכפאָלגער ברייננגט דאָ צונויף א געוויסע רע־ליגיעזע ריכטונג, א סעקטען־גייסט, וואָס האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט צופּאסען: ערש־טענס צום פּרינציפּ פון פּריוואטאייגענטהום. און צווייטענס צו דיא געזעצנדינערשע לעבענס־פאָרמען פון דיא גרויסע שטעדט. גאנץ אָפט האָבען דיא סעקטאנטען געמוזט איינפאך אנט־לויפען אין א'ן עיר־מקלט, ערגיץ אין דער מדבר אום אויסצומיידען רדיפות און בזיונות פון דיא גאָט'ס סטריאפּצעס.

אין דער צווייטער גרופּע ווערען אריינגע־רעכענט דיא אוטאָפּיסטיש־סאָציאליסטישע און קאָאָפּעראטיווע קאָלאָניען און איבער־הויפּט אזעלכע, וואָס האָבען גאָר נישט געהאט צו טהון מיט אמונה־זאכען, מיט אידעאלען לשם שמים, און זיינען לכתחילה געבויט געוואָרען אויף א ריין־עקאָנאָמישען פונדאמענט.

ווען מען נעהמט זיך אָבער גראָבען אין דעם ענין א ביסעל טיעפער, קען מען באמערקען איין געוויסען פּונקט, אויף וועלכען עס דער־נעהנטערן זיך דיא מאָטיווען פון דיא גרינדער איןביידע גרופּען, און ער גיט דאָס צו דיא אלע קאָמוניסטישע קאָלאָניען זייערע אלגעמיינע כא־ראקטער־שטריכען. דער פּונקט איז — דיא צאר־טע, גליהענדע, כמעט ליידענשאפטליכע ליעבע צו דער מוטער־נאטור, צו דער ערד און ערד־אר־בייט, וועלכע דער מענש איז געוועזן געצוואונ־גען צו פארבייטען אויף זיין יעצטיג לעבען; אויף א סאָרט לעבען, וואו אלץ איז פערקרי־פּעלט, און געבראָכען, און געפארבט אין העסליך פאלשע קאָלירען. דיא שטאָדט מיט איהר געקינצעלטער קולטור איז געוואָרען א קוואל פון אמת'ע יסורים, סיי מאָראליש און סיי פיזישע. נאָר א מענש מיט גאָר אָבגעטעמפּטע נערווען קען זיך בעקוועם איינמאָשטשען אין דיא הפכים פון דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציאָנס־אָרד־נונג, וויא זיי ווערען בעיקר אויסגעדריקט אין דעם לעבען פון דיא גרויסע שטעדט. און, פון דורות און דורות, צייט דער מענש איז מיט גע־וואלד אָבגעריסען געוואָרען פון דער מוטער־ערד, האָט איהם נישט אויפגעהערט ציעהען צו איהר, צו דער גוטער, פרייער, אונענדליך־שעה־נער און גאסט־פריינדליכער. פיעלייכט מיליאָנען טראָגען זיך ארום דאָס גאנץ לעבען מיט'ן זיסען טרוים, אז ווען ניט איז וועלען זיי זיך אומקעהרען צוריק צו דער פערלאָזענער מו־טער־ערד און זיך צונויפגיסען מיט איהרע שעפּ־פערישע קרעפטען, פול מיט דער זאפט פון דער יוגענד. און אזוי שטארבען זיי מיט'ן ביטערע־יאוש־געפיהל, אז דער קאָכעדיגער הוהא פון דער אייביגער האוועניס, אייביגער שמאיענעס,

מייסטענטהיילס צוליעב ווינד־מיהלען און וואַלד־פייערלעך, האָט נאָר אומזיסט און אומנישט זייער נשמה צופליקט. דיא אָרימע נשמה וואָס איז קיין מאָל נישט מיד געוואָרען זיך צו יאָגען נאָך א ביסעל גליק פאר זיך, נאָך אביסעל פּערזענליכער באפרידיגונג. און דארום, ווען עס ברויזט אויף אין מח, אפשר טאַקי אונטער'ן איינפלוס פון דעם שיינעם נשמה־טרוים, דער געדאַנק פון גאַנץ אנדערע לעבענס־פאָרמען, דערצו נאָך אין דער נעהנטסטער בעריהרונג מיט דער נאַטור, קלייבט תיכף ארום זיך צונויף דער געדאַנק א גוזמא נאכפאלגער. דער מענש כאפּט זיך איינפאך אן פאר דער געלעגענהייט אוועקצוגעהן פון א פערקעלטען לעבען, וואָס האָט פארפיהרט זיינע טייערסטע האָפנונגען. און נאָר דאָס אייביג לעכצען נאָך פּערזענליכער פרייהייט, נאָך אַרבייטס־פרייהייט צווישען וועלדער און פעלדער גיט דאָס אין איהם אריין דעם ברענענדיגען ענטוזיאזמוס פאר'ן נייעם אידעאַל, און דיא מערקווירדיגע, וואונדערליכע ענערגיע און געדולד, וואָס מען טרעפט ביי יעדער איינציגער גרופּע פון קאָמוניסטישע פּיאָנערען.

.2

דיא עלטסטע צוויי קאָלאָניען מיט א קאָלעקטיווער בעל־הבית'שקייט זיינען געוועזן: די דזשיימסטאון קאָלאָניע אין ווירדזשיניא, געגרינדעט אין 1607, און דיא פּלימוטה קאָלאָניע אין מאַסאַטשוזעטס, געגרינדעט אין 1620. וויא ס'וויזט אויס, האָבען דיאביידע קאָלאָניען נישט געטראָגען קיין שום סעקטאַנטישען כאַראַקטער. דיא ערשטע האָט געזאָלט זיין א פּראָבע אין קאָמוניזמוס אויף פינף יאָהר אין דיא אינטערעסען פון א געוויסען „דזשענטעלמאַן אין לאָנדאָן“. די הזקה פון דעם פיינעם מאַן איז וואַהרשיינליך געוועזן אַ קאַזאַצקע, ווייל נאָך פאר די פינף יאָהר איז די קאָלאָניע צופאַלען געוואָרן.

דיא צווייטע קאָלאָניע אין פּלימוטה האָט עקזיסטירט לייגער, אָבער דער קאָמוניזמוס איז דאָ אויך געוועזן נישט מעהר וויא א פערמאסקירטע שקלאַפעריי און אויך אין דיא אינטערעסען פון לאָנדאָנער קאַפּיטאַליסטען. דיא געלדזועק האָבען אויסגעליהען דיא קאָלאָניסטען דיא וועגהוצאות קיין אמעריקא, און אָט פאר דער טובה האָבען דיא עמיגראַנטען זיך אָנגענומען דורך אַ קאָנטראַקט אָבצוהאָרעווען אין דער קאָמונע זיעבען יאָהר, און צום סוף פון טערמין ארויסצאָהלען דיא בעלי־טובות א גלייכען חלק.

פון דיא ביידע גרופּען, אין וועלכע מיר האָבען איינגעטהיילט דיא פּראָבעס מיט'ן קאָלעקטיוויזמוס, האָט דיא בעסטע מערכה געהאַט דיא רעליגיעז־סעקטאַנטישע. דיא קאָלאָניען פון דער גרופּע אי זיי האָבען לייגער געלעבט, אי א גרעסערען ערפאָלג געהאַט. אפשר דערפאר, וואָס דיא מיטגליעדער האָט דאָ צונויפגעבונדען א גייסטיגער אינטערעס ערגיץ אין דיא וואָלקענס, און דער אינטערעס איז געוועזן צו וויט און צו אַבסטראַקטנע, אַז ער זאָל קענען פערשוועכט ווערען דורך דיא קליינצינקע סכסוכים פון דער מאַטעריאַליסטישער ווירקליכקייט, פון דעסטוועגען וועט אפילו דיא גרופּע מן הסתם אויך נישט דערציהען ביז משיח'ס צייטען. דער עיקר, מיינען מיר, צוליעב דעם רעליגיעזען אינדיפערענטיזמוס (גלייכגילטיגקייט צו אמונה), וואָס פערשפּרייט זיך אליץ מעהר און מעהר אונטער דיא מאסען. און מען קאן טאַקי זעהן, אז ניט נאָר וואָס דיא צאָהל פון דיא סעקטאַנטישע קאָלאָניען ווערט אליץ קלענער, דיא קאָלאָניען גופא ווערען עפּעס מאָדנע אויסגעדארט און אויסגעקוואַרט. דיא צרה מיט זיי מיט אלעמען איז דיא, וואָס דער קאָמוניזמוס איז ביי דיא מיטגליעדער טייער נישט „אן און פיר זיך,“ נאָר אַלס א מיטעל דורכצופיהרען אין לעבען זייערע רעליגיעזע בעגריפען. דיא גאַנצע נשמה לעגט מען דעריבער אוועק נישט צו פערבעסערען דיא קאָלעקטיווע בעל־הבית'ישקייט, נאָר צוזעהן צופאַסען דיא מאַטעריעלע אינטערעסען צו דער אנגענומענער רעליגיעזער ריכטונג. פערשטעהט זיך, אז ווען דער קאָמוניזמוס, טיילווייז אָדער אין גאַנצען, שטעלט זיך איז וועג דער הייליגער אמונה, מאַכט מען פון דעם אבן־נגף א סוף. צווישען דיא אונטערגעגאנגענע סעקטאַנטישע קאָלאָניען געפינען מיר למשל צוויי פון דיא גרעסטע, דיא רייכסטע און לפי ערך דיא עלטסטע, וואָס האָבען געהאט אלע מעגליכקייטען צו לעבען און צו קוועלען. דאָס איז דיא קאָמונע פון דער סעקטע פערפעקציאָניסטען אין אָנידאָ, ניו יאָרק, וואָס א רייכע חברה האָט באשאפען אין 1849 און וואָס איז אין 33 יאָהר אַרום פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַן אַקציען־געזעלשאפט; און דיא קאָמונע פון אַ צווייטער סעקטע סעפּאַראַטיסטען, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען פון דייטשע עמיגראַנטען אין 1817 אין זאָאַר, אָהייאָ און האָט דערצויגען ביז 1898, ווען מען האָט דיא „ביזנעס“ ליקווידירט און יעדען מיטגליעד ארויסגעצאָהלט א גלייכען חלק.

פון דיא סעקטאַנטישע קאָלאָניען, וואָס זיינען געבליעבען לעבען און האָבען אמאָהל געבליהט אָדער בליהען נאָך יעצט אויך, זיינען גוט בעקאַנט אָט דיא פיער: דיא שייקערס, די אמאנא קאָמונע אין אייאָווא, דיא הארמאָני און דיא עפּראַטאַ, ביידע אין פּענסילווייניא. דיא דאָזיגע קאָמונעס זיינען שוין ווייס־גראָע זקנים:

דיא אמאנא איז אלט 64 יאהר, דיא הארמאני — 102, דיא שייקערס — 130 און דיא עפראטא — 174.

דיא שייקערס. דיא ערשטע קאלאניע איז געגרינדעט געווארען אין 1776 אין וואטער־ווילט, ניו יארק. דיא גרינדער זיינען געווען סעקטאנטען, אריבערגעקומענע פון ענגלאנד, ווייל אין דעם אלטען היים האט מען זיי שרעקליך פערפאלגט פאר זייער אפיקורסת. געקומען זיינען זיי מיט דער ערשטער נביאה זייערער, דער „מוטער" ען לי, וואס האט געפיהרט די ממשלה ביז איהר טויט אין 1784. דיא טיעף־איינגעווארצעלטע פרומקייט פון דער פארמערשער בעפעלקערונג אין יענע צייטען, וואס פלעגט גאנץ אפט אויסברעכען אין א ריכטיגע מגפה פון תפילות, תעניתים און נאך אזעלכע זאכען, האט א סך געהאלפען דיא שייקערשע קאלאניען זיך פאנאנדער־צואוואקסען. ארום דער ערשטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט זיינען געווען אין דיא קאלאניען אן ערך 5000 תושבים. אבער דערנאך, ווען דיא מגפות פון פרומקייט ווערען אלץ זעלטענער, נעהמט שטארק פאלען דיא צאהל פון דיא שייקערס, אט למשל : אין 1874 זיינען געווען אין דיא קאלאניען נאר 2415, אין 1890 — 1728, און יעצט, הלואי געפינט זיך אין אלעמען 1000 נפשות, וועלכע זיינען צווארפען איבער 9 פערשיעדענע שטאאטען. דיא הויפט־אורזאכע, פאר וואס עס פערקלענערט זיך דיא בעפעלקערונג פון דיא שייקערשע קאמונעס, איז דאס שטרייננג דורכגעפיהרטע פרינציפ פון נישט טארען חתונה האבען. דיא שייקערס נעהמען געוועהנליך צו זיך צו מאסען קינדער צום האדעווען. אבער וויא דיא האדאוואנקעס וואקסען אויס און באקענען זיך מיט דיא הייליגע און פערטריקענטע נשמות פון דיא „טאטעס" און „מאמעס," לאזען זיי פאנאנדער דיא פליגעלעך און פליהען אוועק אין דיא גרויסע זינדיגע וועלט.

דיא שייקערס גלויבען, אז גאט איז א צווייענדיגעס וועזען : אי א מאן, אי א פרוי. דער מאן איז יעזוס, און דיא פרוי — דיא ערשטע נביאה, דיא מוטער ען לי. אדם הראשון איז תחילת אויך געווען א צווייענדיגעס באשעפענים. אבער שפעטער, ווען ער האט גענומען צושטעהן צו גאט, ער זאל איהם געבען א חבר, האט גאט ארויסגעשניטען פון אדם'ס לייב דיא פרוי, און אויף אזא'ן אופן זיינען דאס אבגעטהיילט געווארען דיא געשלעכטער איינס פון דאס אנדערע. אדם הראשון'ס בקשה צו גאט האלטען דיא שייקערס פזאר דיא ערשטע זינד פון דער מענשהייט. און דארום בעטראכטען זיי דאס פערהייראטע לעבען אלס א נידריגען עבטרטיערישען צושטאנד.

אין איין קאלאניע געפינען זיך עטליכע באזונדערע פאמיליען, ס'הייסט א געזעלשאפט פון מענער און פרויען, וועלכע פיהרען דיא בעל־הבית'ישקייט בשותפות אויף א קאמוניסטישען שטייגער. דיא פאמיליען זיינען גאנץ פערשיעדען צווישען זיך אין א סך הינזיכטען, און וואס מעהר : בעת איין פאמיליע איז רייך וויא קרח, קען דיא אנדערע זיין פערהעלטניסמעסיג ארים. בכלל ווערט אבגעשעצט דער פערמעגען פון דיא שייקערס אין גוטע מיליאנען. דערהויפט זיינען זיי רייך אין ערד (איבער 100 טויזענד אקער), וואס בלייבט דאס רוב נישט בעארבייט צוליעב רחקות אין הענד. און זייער איינציגע טענה צום אויבערשטען איז טאקע, אז זיי האבען מעהר ערד וויא פיעל זיי דארפען צו השפעה. פערקויפען דיא איבעריגע ערד ווילען זיי אבער ניט, וואהרשיינליך דערפאר, וואס איהר ווערטה איז געפאלען. נאך אלעמען זיינען דיא דאזיגע סעקטאנטען גאר ניט קיין שלעכטע ביזנעס־לייט.

עפראטא. דיא קאמונע געפינט זיך אין דעם פרוכטבארסטען טהייל פון פענסילווייניא און בעשטעהט נישט מעהר וויא פון 17 מיטגליעדער. געגרינדעט האט זיא דער דייטשער עמיגראנט בייסעל אין 1732, און נאך זיין געדאנק נאך, האט דאס געזאלט זיין א קלויסטער, א מאנאכען־ארדען אבגעצאמט פון דער איבעריגער וועלט מיט טויזענדער גדרים. אמת, דאס קאמוניסטישע פרינציפ איז דא געווען דורכגעפיהרט אין אלע פרטים פון עפענטליכען לעבען. דאס איז געווען אייגענטליך א רעפובליק, וואו עס האט געהערשט דיא פאלקאמענסטע דעמאקראטישע גלייכהייט, און דיא רעפובליק האט געבליהט און געווארען וואס פון יאהר רייכער, הגם מעהר וויא 300 מיטגליעדער האט זיא קיין מאל ניט געהאט. אבער נאך בייסעל'ס טויט אין 1786 הויבען זיך אן מחלוקת, און דיא קאמונע נעהמט זינקען. א וואונדער איז נאר, וויא אזוי זיא האט זיך דערצויגען ביז יעצט. נאך א פאאר יאהר, און פון איהר וועט מסתמא קיין זכר נישט בלייבען, ווייל די אלטע מיטגליעדער שטארבען אויס און נייע ווילען נישט אריין.

הארמאני. עטליכע מייל פון פיטסבורג, פענסילווייניא, ליעגט א קליין דערפעל, וואס הייסט „עקאנאמיע" און האט אונגעפעהר א 100 הייזער. דאס דערפעל געהערט צו א פאר זקנים, גרויסע פרומאקעס, וועלכע שטעקען דיא נאז אין דאס פריוואט־לעבען פון דער דארפישער בעפעלקערונג און זעהן, אז אלץ זאל דארטען

זיין, וויא גאָט האָט געבאָטען. אָט דיא זקנים זיינען דיא איינציגע איבערגעבליעבענע מיטגליעדער פון א גרויסער און רייכער סעקטאַנטישער קאָלאָניע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען פון דזשאָרדזש ראַפּ, אין 1804. ראַפּ איז געוועזען דער פיהרער פון א דייטשער סעקטע, און איז געקומען קיין אמעריקא מיט 600 נאָכפאָלגער, שטאַרקע, געזונדע און גוטע האַנדווערקער. וואָס איז דער חידוש, אז דיא קאָמונע זייערע האָט זיך אין א קורצער צייט ארויפגעארבייט אויף א גאָר פיינע בעל־הבית׳ישקייט.

דיא אמונה פון דיא הארמאָניסטען איז געוועזען עהנליך צו דער שייקערשער. זיי האָבען געגלויבט, אז גאָט איז אי א זכר און אי א נקבה, און אזוי איז אויך געוועזען אדם הראשון, ביז וואַנען ער האָט נישט געקראָגען זיין חוה׳ן. זיי האָבען געגלויבט, אז דיא געשלעכטליכע פערהעלטניסען צווישען מאַן און פרוי, אפילו ווען זיי זיינען פערהייראַט, איז א גרויסע עבירה, און גאָר נישט התונה האָבען איז געוואָרען אין דער קאָמונע א הייליגער מנהג. זיי האָבען געגלויבט, אז עס דאַרף קומען א סוף צו דיא אלע צרות פון דער מענשהייט, און אז דער סוף וועט גיך קומען. אנדערע האָבען געבעטען גאָט, אז ער זאָל זיי לאָזען דערלעבען ביז דער גליקליכער צייט, אזוי ערנסט איז געוועזען זייער גלויבען אין דאָס שנעל אָנקומען פון דיא משיח׳ס צייטען.

אין 1831 האָט אין דער קאָלאָניע אויסגעבראָכען א שפּאַלטונג. איינער א פאַלשער נביא, אַן אוואַרטורניק, האָט אראָבגעפיהרט פון וועג 250 קאָלאָניסטען (א דריטעל פון דיא מיטגליעדער) און זיי זיינען אוועק אין אנאנדער פּלאַטץ. מען האָט זיי געמוזט ארויסצאָהלען זייער חלק (105 טויזענד דאָלאַר) און דאָס האָט אָבגעשוואַכט דיא פינאַנסען פון דער קאָמונע. אָבער דיא געשעפטען זיינען דאָ, וויא ס׳ווייזט אויס, געוועזען אויסגעצייכענטע, ווייל אין דער צייט פון בירגער־קריעג האָבען דיא הארמאָניסטען פערמאָגט באַרעס געלד א האַלבען מיליאָן.

אינטערעסאַנט איז צו באַמערקען, וויא שפּעטער, נאָך ראַפּ׳ס טויט, כאַפּט זיך אריין אין דער קאָמונע דער גייסט פון ספּעקולאַציע, און מען דרעהט אויף וואָס דיא וועלט שטעהט. מען איז פון דיא ספּעקולאַציע שיעור נישט בדיל־הדל געוואָרען. דעמאָלט האָט מען זיך גענומען צו עקספּלואַטאַציע, און דער נייער עסק איז שוין אוועק בעסער, לאַנד איז געוועזען א פולע, אייגענע הענד ווייניג, נו, האָט מען געדונגען פרעמדע הענד, לוינשקלאַפען. יעצט איז די גאַנצע עשירות אין דיא הענד ביי דיא פּאָאַר אויסגעטריקענטע זקנים, וועלכע שטעלען פאָר נישט מעהר און נישט ווייניגער וויא א סינדיקאַט פון קאַפּיטאַליסטען אונטער דער מאַסקע פון קאָמוניסטישע סעקטאַנטען.

אמאַנא. דאָס איז דיא שטאַרקסטע כעקטאַנטישע קאָמונע סאַי מיט דער צאָהל מיטגליעדער (קרוב פון 1800), סאַי מיט איהר רייכקייט, סאַי מיט איהרע גוטע שאַנסען אויף לאַנגע לאַנגע יאָהרען. דיא קאָלאָניסטען פערנעהמען זיעבען דערפער אין אייאָווא, אלע נאָהענט איינס צו דאָס אנדערע, און האָבען 26 טויזענד אַקער לאַנד. א חוץ דיא ריעזיגע פאַרם, וואו מען האַלט א גוזמא פיה, זיינען דאָ פאַראַן וואָהלפאַבריקען, און מיהלען, און א גאַרבעריי, און זיבען סטאָרס, דיא קאָמונע פערמאָגט בלתי־ספק א סך געלד און האָט א פיינעם שם אין דער ביזנעס־וועלט.

דיא ערשטע קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרען פון דייטשע סעקטאַנטען אין 1842. דער הויפּט־פּונקט פון זייער אמונה בעשטעהט אין דעם, אז גאָט קלייבט נאָך יעצט אויך אויס געוויסע מענשען, וויא ער האָט דאָס געטאָן פאַרצייטענס מיט דיא נביאים, און גיט זיי איבער זיין ווילען, בכדי זיי זאָלען דעם ווילען זיינעם איבערגעבען צו דיא זינדיגע מענשען.

דיא גרינדער פון דער קאָלאָניע פלעגען זאָגען, אז איינצופיהרען דעם קאָמוניזמוס האָט זיי געהייסען גאָט אליין. זיי האָבען, הייסט דאָס, געטאָהן נאָר גאָט׳ס ווילען.

הייראַטהען ווערט קיינעם נישט פערבאָטען, הגם דיא פרימערע קוקען אויף דעם קרום. ס׳קאָן מעגליך זיין, אז אָט דאָס, וואָס מען האָט נישט אוועקגעלעגט א חורם אויף׳ן הייראַטען, איז געוועזען טאַקי איינע פון דיא וויכטיגסטע סבות, דורך וועלכע דיא קאָמונע איז נישט אונטערגעגאַנגען גלייך מיט דיא אנדערע.

ה. אלעקסאַנדראָוו.

הענריך איבסען טוידט *)

פון דר. קאנראד שמידט.

פון דיא דריי גרויסע מענער, וועמעס גדלות האט פערדונקעט אלע אנדערע דיכטער אין פערלויף פון דעם לעצטען פערטעל פון לעצטען יאהר הונדערט, איז איצט אוועק נאך איינער. דורך אן אונגליקליכען צופאל איז זאלא אוועק פון דער וועלט אין רעכטען מיטען פון זיין קרעפטיגען שאפען. איצט איז אויך איבסען, וועמען עס איז געווען באשערט צוזאמען מיט טאלסטאיען, דורכצופאהרען דעם גאנצען לעבענסמארשרוט, געקומען צו דער לעצטער סטאנציע. צו זיעבען־און־זיעבציג יאהר איז ער געשטארבען, נאכדעם וויא ער האט זיך לאנג פארבערייטעט אוועקצוגעהען פון דער וועלט, מיט דעם שטילען טויט פון אלטקייט. דיא גארבען זיינען אלע אראפגענומען פון פעלד און געבראכט אין שייער. זיין לעבענסארבייט האט איבסען געענדיגט און פערקאנטשעט מיט דעם שלוס־ווארט פון זיין לעצטע דראמע: „ווען מיר טויטע וועלען אויפשטעהען תחית המתים“, עס געבראכט אויפ'ן לעבענסמארק און איז אוועק.

איבסען פלעגט אויף זיך אפט זאגען, אז אלץ וואס ער האט געשאפען שטאמט פון איין שטיק, פון איין גייסט, אז יעטווידע פון זיינע דראמען קען מען נאר דענסטמאל ריכטיג פארשטעהען, ווען מען קוקט אויף איהר וויא אויף א גליעד פון זיין גאנצער ארבייט. יעדער איינער וועלכער וואנדערט נאר דורך דעם קרייז פון איבסענ'ס שעפפונגען מיט אפענע אויגען, דער מוז איינזעהען, אז פיעלע פעדים פלעכטען און שפינען זיך ביי איבסענ'ען הין און צוריק, פון איין פיעסע אין דער אנדערער. פאסירונגען, סיטואציאנען און פראגען וועלכע זיינען אין א פריהערדיגער טהעאטער־שטיק פערדרוקט ווייט אין הינטערגרונד, ווערען אין א שפעטערדיגער א סך טיעפער און גרינטליכער בעהאנדעלט און אוועקגעשטעלט אין דעם רעכטען מיטעלפונקט פון דער ביהנע. נאך מעהר, צווישען פיעלע פון זיינע דראמען איז דא אזא נאהענטע קרובהשאפט, אז זיי שווימען ארויס פון דער מאסע פון זיינע ווערק אלס בעזונדערע גרופפען און דאך האט נאך ביז איצט קיין איינער פון זיינע קריטיקער ניט אנגעצייגט קיין אלגעמיינע לעבענדיגע אידעע, וועלכע זאל בעריהרען און ארומכאפען אלע זיינע ווערק, און זיי בעקליידען מיט איין גייסט. קיינער האט נאך ניט אנגעצייגט קיין אלגעמיינע אידעע, אויף וועלכער מען זאל קענען זאגען, אז זיא האט איבסענען געפיהרט דורך דיא פערשיעדענע שטופפען פון זיין שאפען. און אויך אין דער צוקונפט וועט ניט געלינגען אזא אידעע צו געפינען. אזוי וויא דער פארצייטיגער ים־פראטעאוס אזוי, אפט בייט איבסען זיינע געשטאלטען. זאלא גיט זיך מיה אום זיינע ראמאנען איינער מיט'ן אנדערען סיסטעמאטיש צו פערבינדען, צום טהייל טהוט טאלסטאי אויך דאסזעלבע. ביי איבסענען אבער, ניט קוקענדיג וואס אין איניגע פון זיינע גרעסטע דראמען ווערט דער קאנסעקווענטער געדאנק אזוי שטארק געלויבט, — ביי איבסענען פעהלט דיעזער שטריך גאר אין גאנצען.

אויף דיא ווערקע פון יענע צוויי גרויסע דיכטער קען מען טאקע זאגען, אז זיי בילדען איין גאנצעס. יעדער פון זיי ביידען איז געווען צוגעבונדען צו א געוויסען אלגעמיינעם געדאנקען־גאנג, צו וועלכען ער איז אמאל אויף אזא אופן, אמאל אויף אזא געבליעבען געטריי זיין גאנצען לעבען. דעריבער איז עס פערהעלטניסמעסיג לייכט און זיכער צו בעשטימען וואס פאר א שטעלונג צו נעהמען אן צום גייסטיגען לעבען פון אונזער צייט, דער עיקר וואס איז זייער שטעלונג געגענאיבער דיא געדאנקען פון דעם מאדערנעם סאציאליזמוס. עס האבען זיך שוין ביי אונז זאגאר אויסגעארבייט בעשטימטע ווערטער מיט וועלכע צו בעצייכענען דעם תמצית פון דיעזע געדאנקען זייערע, וועלכע דרינגען דורך זייערע ווערק. אזוי, צום ביישפיעל, רעדען מיר פון טאלסטאי'ס „אור־קריסטליכע שטרעבונגען“ און פון זאלא'ס „פאזיטיוויזמוס.“ איבסענען אבער, ווען איהר ווארפט א בליק אויף זיין גאנצע לעבענס ארבייט, קענט איהר ניט צושרייבען צו קיין שום בעשטימטער שוהלע.

סאי אין זיין לעבען און סאי אין זיין דענ־

*) פערגלייך, איבסען „צוקונפט“ מערץ 1906.

קען איז איבסען געוועזען א מענש פאַר זיך, און אזא האָט ער טאַקע געוואָלט זיין, „מיין אויפגאַבע" פלעגט ער אויף זיך זאָגען, „איז ניט צו פאַרענטפערען, נאָר צו פרעגען." פאַרענטפערען הייסט ארויסזאָגען זיך, און דער וואָס זאָגט ארויס זיינע מיינונגען, יענער מוז זיך אָנשליעסען אָן עפּעס אלגעמיינעס, אָן עפּעס א געדאַנקען, וועלכער איז ביי איהם א געזעץ, אָן עפּעס א גרופּפּע מענשען מיט דיעזעלבע שטרעבונגען, און אויב מעגליך, טאַקע אָן א פּראַטיי, וועלכע זוכט דיא אָנגענומענע וואהרהייט דורכצופיהרען אין'ם לעבען. איבסען'ס נאַטור האָט אָבער פיינד געהאַט יעדע זאַך וואָס האָט דעם איינצעלנעם מענשען, דעם אינדיווידיואום, געבונדען. דער לעצטער וואָרט פון דעם „פאָלקס־פריינד": „דער שטאַרקסטער מענש אין דער וועלט איז דער וואָס שטעהט אליין" — האָט טאַקע ארויסגעקוואָלען פון איבסען'ס אייגענעם האַרצען. איבסען האָט אָפט געשפּאָט פון דיא פּאַרטייען. ניט ווייל איהם זיינען ניט געפעלען געוועזען זייערע ציעלען, נאָר ווייל דיא עצם פאָרמע פון פּאַרטיי לעבען, דער פיהרען זיך און גלויבען און טאָהן וויא דיא פּאַרטיי פיהרט זיך, גלויבט און טהוט, איז ביי איהם געוועזען פאַררעכענט אַלס א שטער צו דיא פרייער ענטוויקלונג פון דעם איינצעלנעם מענשען, פאַר דיא אחדות צווישען מענשען — האָט איבסען געשריעבען צו זיינעם א פריינד, ניט דאַן ווען ער איז נאָך געוועזען א יונגער מענשעל, נאָר טאַקע ווען ער איז שוין געוועזען א פערציג יעהריגער — „האָב איך אייגענטליך קיינמאָל קיין שטאַרקען געפיהל ניט געהאַט. איך האָב עס נאָר געהאַט אַלס שטיק אמונה וואָס מען האָט מיר איבערגעגעבען בקבלה, און ווען מיר זאָלען האָבען דעם מוטה זיך וועגען דעם ניט צו קימערען, דאַן וועלען מיר פיעלייכט פּטור ווערען פון דער שווערסטער משא וואָס דריקט דיא פּערזענליכקייט."

פון דעם שטאַנדפּונקט פלעגט ער קוקען מיט חשד אפילו אויף דעם פרייעסטען זאָרט פעראייניגונג אין פּריוואַט לעבען, „פריינד, דאָס איז א צו טהייערער לוקסוס". זיין פאַרגעטערונג פון דעם אינדיווידיואום, זיין זוכען אָבצוהיטען איהם פון אלע פּרעמדע, דאָס האָט איהם פאַרטריעבען פון דיא גרענצען פון סאָציאַלער און פּאָליטישער ווירקליכקייט צו דיא אנאַרכיסטישע חלומות. דיא פּאַרטייען פאַרנעהמען זיך בלויז מיט דער אויסערליכער זייט פון דעם אינדיווידיואום, מיט זיין בירגערליכקייט. שוין דערפאַר אליין לוינט זיך ניט צו האָבען מיט זיי צו טהאָן. וואָרים, „עס איז איבערהויפּט גאָר ניט נויטהיג, און ניט קלוג פאַר'ן אינדיווידיואום ער זאָל זיין א בירגער. פאַרקעהרט דער שטאַאט איז גאָר פאַר'ן אינדיווידיואום א קללה... דער שטאַאט מוז פאַלען. אָט דיא רעוואָלוציאָן וויל איך מיטמאַכען." אייניגעס אין זיינע בריעף, וועלכע בראַנדעס האָט פערעפענטליכט, דערמאָנט דירעקט אָן שטירנער'ס אידעאָלאָגיע: „דער איינציגער אין זיין אייגענטהום."

און אזוי וויא איבסען וויל פריי זיין פון די קרעפטען פון דער ווירקליכקייט, ווייל זיי בינדען דעם מענשען, אזוי וויל ער אויך זיין פריי פון דער אינערליכער הערשאַפט פון א בעשטימטער אידעע. אויך אין דעם הינזיכט דאַרף מען אָבהיטען דיא אונאַבהענגיגקייט פון דעם איינצעלנעם. טאָמער פאַנגט אינעווייניג אין איך עפּעס צו גליווערען, פערהאַרטעוועט און פעסט ווערען, אזוי מוזט איהר עס דורכ'ן צווייפעל גלייך צוריק פאַרנאַנדערלאָזען. און העריבער האָט עפּעס איבסען אזוי וויא מורא זיך צופיעל ארויסצוגעבען. ער האָט ליעב צו ריידען מיט רעטעניסען, מיט געהיימניסע. ער טהוט דאָס ניט בלויז ווייל דער סאָרט שרייבען האָט פאַר איהם א בעזונדערן חן, ניין, דאָס איז טאַקע פאַר איהם א מין שלייער, וועלכער פאַרבאָרגט איהם פון פרעמדע בליקען. דיא גאַנצע וועלט האָט געמיינט, אַז מילא פריהער וויא פריהער, אָבער אין זיין עפּילאָג, אין דעם שלום־וואָרט פון זיין שאַפפען, וועט ער אודאי ארויסזאָגען א מין וידוי, וועלכער וועט וואַרפען א העללעס ליכט איבער זיין גאַנצען לעבענסווערק. אָבער וואָס מעהר מען האָט זיך פערטיעפט אין דעם „ווען מיר טויטע שטעהען אויף תחית המתים," אַלץ וועניגער זיכער איז מען געוועזען מיט דיא בעדייטונג פון דיא פערשיעדענע סימבאָלען. דיא געשטאַלטען וועלכע ווייזען ניט אויף קיין כאַראַקטערע נאָר אויף געדאַנקען, אָדער גייסטיגע קרעפטען.

וואָס בעדייטען דיא טענער פון דיעזער לעצטער ליעד? איז דאָס א געזאַנג פון „גם זו לטובה," א קלאָג פון „דו ביסט גערעכט און דיין משפּט איז גערעכט"? אָדער א יאָממער פון ביטערער פערצווייפלונג פון'ם לעבען? ליעגט אפשר אין סקולפּטאָר רובעק'ס ווערטער, אַז אין דיא מענשענגעשטאַלטען פון זיין מאָנומענט האָט ער בסוד ארויסגעקריצט דיא צורות פון חיות? — ליעגט אפשר אין דיא ווערטער איבסען'ס אייגענער אורטהייל איבער זיין נאַטוראַליסטישער קונסט? אָדער קלינגט גאָר אפשר אין דיא רייד א בענקשאַפט נאָך א גאַנץ אַנדער זאָרט קונסט? איז דער עפּילאָג בלויז דיא דראַמא פון א קינסטלער? אָדער מיינט גאָר איב־

סען, אז אין דעם גורל פון דעם סקולפּטאָר רובעק שפּיעגעלט זיך אָפּ דיא טראַגעדיע ניט נאָר פון דעם קינסטלערישען אידעאַליזמוס, נאָר איבערהויפּט פון דעם גאַנצען מענשליכען אידעאַליזמוס? ניין, איבסען ענטפּלעקט גאָר נישט, ער וואַרפט נאָר ארויף נייע רעטעניסען אויף דעם אַלטען באַרג סודות.

און דאָך, ניט קוקענדיג אויף דער גאַנצער אומשוועבנים אין איבסענ׳ס ווערק, ניט קוקענדיג אויף דיא גאַנצע אונגעוויסהייט און אויף דיא אַלע אומוועקסלונגען, איין צוג טרעט דאָך ביי איהם ארויס קלעהרער פון אַלע אַנדערע. אמת, ניט אַלס כאַראַקטעריסטיק פון זיין גאַנצען שאַפפען, אָבער דאָך פון יענער גרופּפּע דראַמען אין וועלכע עס צייגט זיך ארויס איבסענ׳ס העכסטע קראַפט, און וועלכע האָט איהם געמאַכט אַזוי וועלט־בעריהמט. „לעבען״ דיעזע ווערטער האָט איבסען אוועקגעשטעלט אַלס מאָטטאָ איבער זיינע געדיכטע „הייסט בעקעמפּפען אין זיך דעם מחבל פון דיא פינסטערע כחות. דיכטען הייסט משפּט׳ן דעם אייגענעם איך.״ און ווירקליך, ווער זיינען דיא מענשען וועלכע אינטערעסירען איבסענען אַלס קינסטלער אַם מייסטען? דאָס זיינען טאַקע דיא מענשען

הענריך איבסאָן

וועלכע „משפּטן זיך אַליין״ און וועלכע נעהמען ניט דעם מאַסשטאַב פון זייער משפּט׳ן פון דרויסען ארויס, פון דיא געזעלשאַפטליך גע׳ירשנ׳טע וואַהרהייטען, ניין, זייער משפּט הייסט גאָר שטעלען זיך אַקעגען דער שקלאַפישער געוואָהנהייט, זיך ניט צו אונטערוואַרפען דיא אויסערליכע פרעמדע וואַהרהייטען און דער אויסערליכער פרעמדער מאָראַל. דאָס זיינען דיא יעניגע וועלכע אין פערלויף פון דעם פּראָצעס פון זייער זעלבסט־בעפרייאונג האָבען זיי קיין מורא ניט צו שטעלען דיא געוואַגטעסטע פראַגען און אויפצוהעבען דיא געוואַגטעסטע ספקות. אַט אַזעלכע מענשען האָבען איבסענען צו זיך צוגעצויגען אַלס זיינע פערוואַנדטע, אַלס מענשען וואָס האָבען זיין נאַטור. אַזעלכע טיפּען זיינען נאָרא, פרוי אַלווינג (פון דיא „גייסטער״) ראַסמער און רעבעקקא (פון „ראַסמער׳ס האָלם״). דאָס זיינען מענשען וועלכע אין רעכטען מיטלען פון אַ צוזאַמענברעכענדער וועלט פון ליגען און אויבען־אויפיגען גלאַנץ, האָבען זיי דערפיהלט דיא קראַפט פון שופטים. אויב איבסען לאָזט זיך אויסלייגען אַלס דער דיכטער

פון וועלכער עס איז איין איינצעלנער אידעע, איז דאָס פון דער אידעע פון דער אויטאָנאָמיע, פון דער זעלבסטהערשאַפט פון דעם אינדיווידיאום. מענשען, האָט דעם מוטה איבער אייך אליין צו זיין דיא ריכטער, האָט דעם מוטה פריי צו זיין! דער מוטה פריי צו זיין איז אויך דער מוטה צו זיין וואהרהאַפטיג. אָט אין דעם בעשטייט עס דיא אונפערגעסליך אויפברויזענדע, דאָס רעוואָלוציאָנערע, די גאָטלאָז ניהיליסטישע פון זיינע גרעסטע ווערקע. און דיא קאָנסערוואַטיווע גייסטער האָבען מיט זייער ריכטיגען חוש הריח שוין לאַנג דערשמעקט דעם שטורם וואָס קלייבט זיך אין איבסענ׳ס דראַמען און פאַר איהם געציטערט.

לאַנגזאם האָט זיך איבסען ענטוויקעלט אלס מייסטער און קינסטלער. צו 25 יאָהר האָט ער, דער מאַן וועלכער האָט זיך אזוי פריה געשטעלט אויף זיינע אייגענע פיס, אין 1851 איבערגענומען דיא דירעקטאָרסטווא פון דעם טהעאַטער פון בערגען. נאָך א רייהע פון ראָמאַנטישע און פאַטערלאַנדס דראַממען, געשריעבען אין דעם גע׳ירש׳ענטען אידעאליסטישען שניט, ערשיינט אין 1862 דער ערשטער גרויסער פּראָדוקט פון זיין פעדער „דיא קאָמעדיע פון דער הייראַטה“. אין קלינגענדע פערזען האָט זיך דאָ צוגאָסען זיין שפּאָט איבער דעם „קאַזאָנעם“ בורזשואַזנעם הייראַטה׳ס אידעאַל. דער בורזשואַזנער אינסטינקט פון הייראטה מעג זיך זיין נויטהיג אלס אינסטינקט, אלס צובינדענדע קראַפט, אָבער דאָס נעהמט אוועק פון דער ליעבע איהר פרייהייט, איהר גלאַנץ און איהר קראַפט.

דאָס איז געוועזן דאָס לעצטע ווערק וועלכע ער האָט אלס ערוואַקסענער מאַן געשריעבען אויפ׳ן נאָרוועגישען באָדען. דיא יאהרצעהנטע פון זיין רייכסטער פּאָעטישער טהעטיגקייט האָט ער אָבגעלעבט אויף דער רייזע אין אויסלאַנד. דאָס ארויסרייסען זיך פון זיין פאַטערלאַנד איז ביי איבסען׳ען ניט קיין צופאַל, דאָס איז א כאַראַקטעריסטישער שטריך אין איבסענס לעבענסבילד, ווייל ביי איבסען׳ען איז דער געדאַנק פון פרייהייט געוועזען ענג פערקניפּט מיט׳ן געדאַנק פון זיין אליין. און דיא סאָלידאַריטעט איז ביי איהם בלויז געוועזען א געפאַהר פאַר דער אינדיווידועלער פרייהייט. דאָך איז געקומען דיא רייהע פון גרויסע געדאַנקען־דראַמען: „בראַנד“, „פּעער גינט“, „דער קייזער און דער נוצרי.“ „בראַנד“ איז דיא גרעסטע פון דיא דריי. דאָס איז א מעכטיגער פּראָטעסט געגען דיא פייגהייט און צבועסטווא פון דעם אָפיציעלען קריסטענטהום. אויבען אויף איז עס דאָס קלעהרסטע פון אלע דריי, דאָך אז מען קוקט זיך צו דעם נעהנטער צו, זעהט מען אז עס בעהאַלט אין זיך מעהר אונפאַרשטענדליכעס איידער דיא צוויי אנדערע דראַממען. אויב בראַנד, דער העלד, וועלכער וויל ניט וויסען פון קיין שום פשרות אין לעבען (און אין דעם הינזיכט איז ער טאַקע אן אמת איבסענישער העלד) מיינט דאָס טאַקע ערנסט מיט זיין קריסטליכען רוף אז מען טאָר ניט דיענען קיין צוויי בעלי־הבתים מיט אמאָל, או „אָדער גאָר אָדער גאָר ניט,“ דאַן טאָ וויא זאָלען מיר פאַרשטיין זיין האנדלונג, און פאַר וואָס קומט איהם אזאַ סוף? דיא דראַמא וועלכע ווערט אין נאָרוועגיען אָנגענומען אלס א פערהערליכונג פון דער וואהרער קריסטליכער זעלבסטאָפּפערונג, קען פונקט אזוי גוט פערשטאַנען ווערן אלס אן אָבלייקענונג פון דעם עצם פון קריסטענטהום. דער וועג איבער וועלכען בראַנד וויל זיין בעגייסטערטע געמיינדע פיהרען אין זיין „נייער קירכע“ אויף דיא בערג אונטער׳ן פרייען הימעל, ציהט זיך איבער אונפּרוכטבאַרע, ווילדע שניי־און אייז־פעלדער און ער אליין ווערט בעגראָבען אונטער א דונערנדער אייזפליטע. הייסט דאָס דען ניט אויף איבסען׳ס שפּראַך דאָסזעלבע וויא ביאָרנסאָן׳ס: „איבער אונזערע כחות?“ יעדענפאלס אין זיינע שפּעטערדיגע, אין דיא סאָציאלע דראַמען וויא אויך אין דיא דראַמען פון דער לעצטער פּעריאָדע קלינגען שוין מעהר קיין קריסטליכע טענער ניט.

אלס אָנזאָג פון דעם נייעם וועג, וועלכען ער האָט געזוכט איז אין 1869 יאָהר ארויס דער „בונד פון יונגע לייט“. דאָס איז געוועזען איבסען׳ס ערשטע דראַמא פון דער איצטיגער צייט. איינצעלנע גלענצענדע שטריכען מיט וועלכע ער צייכענט דאָרט דיא כאַראַקטערע, איבערהויפּט דיא געשטאַלט פון דעם הויפּט־העלד, דעם פּאָליטישען אַוואַנטיורניק, צייגען שוין דאָ אויף צוקונפטיגע גרויסקייט, אָבער אין דער צוזאַמענשטעלונג פון דער פּיעסע, אין דער טעכניק הייסט דאָס, צייגט זיך דאָך קלאָהר, ארויס זיין מחותנה׳שאַפט מיט דיא פראַנצויזישע פּיעסען וועלכע זיינען געבויט אויף אינטריגען. און אפילו אין „דיא זיילען פון דער געזעלשאַפט“ איז איבסען׳ס בעזונדערער פּלאַן פון שרייבען דראַמען נאָך אלץ ניט גענוג קלאָהר אָנגעצייכענט. אין 2 יאָהר ארום נאָך דיא „זיילען“ איז געקומען „נאָראַ“, דיא ערשטע פון דער רייהע מאָדערנע דראַממען. דאָ איז שוין אלעס ניי, אלץ איז דאָ וואונדערבאַר אָריגינעל. אויף דעם געביעט פון דעם מאָדערנעם ראָמאַן זיינען

זאָלאַ און טאָלסטאָי, בלויז די צוויי העכסטע
שפּיצען וואָס הויבען זיך אויף צוזאַמען מיט
אנדערע איבער א הויכען קייט מיט בערג. אויף
דעם געביעט פון דער דראַמאַ איז אָבער איב־
סען געגליכען צו א פעלז, וועלכער הויבט זיך
אויף איינער אליין גלייך פון נידריגען פּליין ביז
אונטער'ן הימעל.

וואו זיינען איבסען'ס פאָרגעגנגער אין דער
דראַמאַ ? פון וועמען האָט ער געלערנט ? אמת,
צווישען די פראַנצויזישע שריפטשטעלער פון
די זעכציגער און זיבעציגער יאָהרען זיינען
אויך געווען זאָגענאַנטע רעאליסטען, דומאַ און
אליגיערי, אבער עס איז דאָך לעבערליך זיי
אפילו-צו דערמאָהנען מיט איבסען'ען אין איין
אָטהעם. אין אמת'ן האָט זיך די ערנסטע נאַ־
טוראַליסטישע בעוועגונג ביז איהם כמעט אויס־
שליסליך געצויגען אויפ'ן פעלד פון דעם ראָ־
מאַן. שוין צוליעב איהר טעכניק אליין האָט
עס געשיינט, אז די דראַמאַ איז ניט אימ־
שטאַנד טיעף אריינצודרינגען אין דער האַרץ
פון אונזער מאָדערנעם לעבען. דאָס לעבען אין
אונזער געגענוואַרט איז אזוי וויט צוואָרפען
אין צייט און פּלאַץ. די כאַראַקטערע און צו־
זאַמענשטויסונגען ציהען זיך און וועבען זיך אין
דער שטילל און ווערן ביסלעכווייז ביסלעכוויז
צייטיג ; די בעוועגונגען זיינען מייסטענס
פאַרבאָרגען פון אויג און זיי צופּלעכטען זיך
טיעף אין די אינעווייניגסטע פון דער נשמה.
היינט געה און וויקעלט אָט דיזע גאַנצע אונגע־
הויערע בילד פערנאַנדער אין די ענגע ראַהמען
פון א טהעאַטער געשיכטע ! האָט מען זיך טאַ־
קע געמאַטערט יעדער וויא וויט ער האָט גע־
קענט. עס איז טאַקע געווען א לאָך אויף א לאָך,
צווישען איין נאָט און דעם אנדערן איז טאַקע
געווען א גאַנצער גרוב, און מען איז טאַקע גע־
קראָכען פון דער הויט צו באַציהען די לעבער
מיט א גלאַנציגען טול, כדי מען זאָל זיי ניט
זעהן. ער אָבער, איבסען, האָט אנגעפילט די
אַלטע לאָגלען מיט נייעם וויין. ער האָט בעשאַ־
פען א דראַמאַ, וועלכע מיט די פיינע צייכנונג
פון די כאַראַקטערע שטעהט זיא ניט ניעדרי־
גער פאַר די גרעסטע און אין אין פסיכאָלאָגי־
שע צוגליעדערונג דאַרף זיא זיך ניט שעהמען
אנטעקגען דעם מאָדערנעם ראָמאַן, כאָטש ער
האָט דאָך אזא אונענדליך פרייערע, אזא בעק־
וועמערע טעכניק. אין ענגסטען פּלאַץ די העכ־
סטע קאָנצענטראַציאָן !

און מיט וואָס פאַר א קונציגקייט ער איז
עס בייגעקומען די הינדערניסע וועלכע מוזען
דאָך ליגען אויפ'ן וועג פון דעם רעאליסטישען
דראַמאַטורג! פון איין זייט אזעלכע לאַנגזאַמע,
לעבענס-שטרייכעלעך, וועלכע צושפּאַלטען זיך
און טהיילען זיך פאַרנאַנדער אין אלע וועגען
און פון דער אנדערער די פאָדערונג אז איין
סצענע מוז זיין איינג איינגעשלאָסען אין דער
אנדערער, איין אקט אין אנדערן. פון א גאַנצען
וויט פערצווייגטער קייט פון פּאַסירונגען
קלייבט ער אויס די לעצטע, די „קאַטאַסטראָ־
פע" אין וועלכער זיי אלע ענדיגען זיך. און
איבסען צייגט אונז אָט די לעצטע פּאַסירונג,
און אין איהר שפּיעגעלט ער אויך אָפּ אלע פער־
גאַנגענע פּאַסירונגען, פון וועלכע זיא, די
לעצטע, איז דאָך ארויסגעוואַקסען מיט אזא
נאַטור-נויטהווענדיגקייט. די ערשטע אנרע־
גונג פון דער האַנדלונג אין איבסען'ס דראַמען.
דאָס וואָס מען רופט געוועהנליך, „די אינטרי־
גע," איז ביי איהם די אויפדעקונג פון דער
פערגאַנגענהייט. און די וועלט פון זיין דראַמאַ
מאַ וואַקסט, זיא ווערט אלץ ברייטער, צואָ־
וואָרפט זיך אלץ מעהר. די רייכקייט פון די
בעציהונגען אין איהר איז כמעט אונערשעפּליך.
אלץ איז געקייטעלט און געפלאָכטען. מיר זעה־
ען קלאָהר וויא אין א שפּיעגעל ניט נאָר וואָס
די מענשען זיינען און וויא זיי האַנדלען, נאָר
אויך וויא זיי זיינען געקומען דערצו. און וואָס
זיי וועלען ווערען מיט דער צייט. מען שפּירט אז
איבער אלץ געוועלטיגט אן אייזען-פעסטער,
אונפערענדליכער שיקזאַל. עס קלייבט זיך דער
שטורם אין דעם גרויען האַלב-דונקעל. מיט
שפּאַנונג קוקען מיר דאָס צו און עס גרוילט אונז.
אזוי איז עס אין „נאַרא," אזוי איז עס אין די
„גייסטער", און אזוי איז עס אויך אין „ראָס־
מערסהאָלם" אין דיזע דראַמען טרעט אָט דער
סאָרט דראַמאַטישע ארכיטעקטור, די וואונ־
דערבאַרע אויפלעבונג פון דער פערגאַנגענ־
הייט אין דער געגענוואַרט, ארויס אַם
קלעהרסטען. די העכסטע קונסט-ווערק אין דעם
הינזיכט זיינען די „גייסטער". דאָס איז אויך
צו דערזעלבער צייט דאָס ווערק אין וועלכען
דער העכסטער, אלעס חרוב מאַכענדער סקעפּ־
טיציזמוס פון איבסען'ס דענקען ווערט אויסגע־
דריקט אַם מעכטיגסטען. גלייך נאָך דעם אלס
אנטוואָרט אויף די צבועצקע קוילען
מיט וועלכע מען האָט אויפגענומען דיזע גרויסע
ערבשאַפט טראַגעדיע איז געווען דער פרעכטיג
בוי לכעים'דיגער „פאָלקס-פריינד". דאַן איז גע־
קומען די טיעפע טראַגי-קאָמישע טרויער-ליעד
פון דער „ווילדער ענטעל". דיזע דראַמאַ איז
שוין ארויס פון א גאַנץ אנדער שטימונג. דער
וואָהרהייטס-מוטה, וועלכען איבסען האָט שטענ־
דיג ערקלעהרט אלס דאָס העכסטע אין דער
וועלט, ווערט דאָ נאָכגעקרימט וויא אין א קאַ־

ריקאטורע אין דער געשטאַלט פון דעם אונגעלומ־פערטען, נאַרישען בעל־חלום, גרעגע ווערלעך, וואָס איז, וואו ער טהוט זיך אַ קעהר און וויל העלפען, גאָר אַ פּינפטע ראָד צום וואָגען.

„נאָראַ“ איז פערפאַסט געוואָרען אין 1879. אין 1886 איז „ראסמערסהאלם“ פערפאסט גע־וואָרען. מיט דיזער דראַמאַ האָט זיך געענדיגט דיא פרוכטבאַרסטע פעריאָדע פון איבסען'ס שאַפען, דיא פעריאָדע. וואָס אויף איהרע ווערקע קען מען דאָך חאָטש וויא ניט איז פון דעם שטאַנדפונקט פון וואהרהייט און אינדיווידו־עלע פרייהייט צושרייבען צו עטוואָס עהנליך צו אָן איינטהייליכען גרונד־געדאַנקען. אין זיינע ווייטערע דראמען האָט זיך שוין איבסען פער־נומען מיט צוזאַמענשטויסע פון א ריין פריוואַ־טען כאַרקטער. עס פעהלט אין זיי דיא קריעגע־רישע טענדענץ געגען דער „געזעלשאַפט“ און איהרע „לעבענס־שקרים“. זיי זיינען שוין ניט אַזוי אויפּברויזענד, ניט אזוי רעוואָלוציאָנער. די נייגונג צו ריידען מיט רמזים, מיט סימבאָלען טרעט אַלץ מעהר ארויס אין פאָדער גרונד און פערשטופּט אַלץ ווייטער דיא נאַטור־טריהייט פון דיא כאַראַקטערען, פון דיא געשפּרעכען און פון דער דראמאטישער ענטוויקלונג. דער משל מיט'ן נמשל וואַקסען דאָ ניט שטרענג ארויס פון פריהערדיגע אורזאַכען און באַגעבענ־הייטען אזוי וויא אין דיא „גייסטער“. ניין, דאָ איז עס גאָר אלס א מין גזירה, אויף וועלכער מען טאָר ניט עובר זיין, אלס עפּעס א קאַפּריז, אַלס א אויפגאַבע וועלכער דיא פּערזאָנען פון דער דראמא מוזען געהאָרכען סאַי מיט זייער ריידען און סאַי מיט זייער טהאָן. וויא וואונדער־באַר דיעזע ווערק „סאלענץ דער ארכיטעקטאָר“, „דער קליינער עיאָלף“ „גאַבריעל בארקמאַן“ און „דער עפּילאָג“ זאָלען ניט פאָרקומען אין פערשטאַנד, ווען מען בליקט אַריין אין דער חכמה וואָס ליגט פאַרבּאָרגען הינטער זייערע בילדער, אָבער, יענע לעבענס־פרישקייט, יענע הינרייס־סענדע איבערצייגונגס־קראַפט, וועלכע צווינגען אונזערע געפיהלען זיי זאָלען געגען אונזער ווי־לען זיך בעוועגען אין דעם וועג וועלכען דער שרייבער וויל — דאָס אַלץ איז אין זיי ניטאָ.

דיא דראַממען פון איבסען דעם זקן בע־וואונדערען מיר. אָבער דיא דראממען וואָס איב־סען האָט געשריעבען אין דיא מיטטעלע יאָה־רען, זיי טרייסלען אונז אויף אַזוי וויא אמת'ע געשעהענישען פון לעבען. ווער וועט אין דעם נייעם יאָהר־הונדערט פארנעהמען דיא שטוהל וואָס איז איצט לײדיג געוואָרען ?

דיא אימיגראציאן און דער ארבייטער-קלאס.

פון דר. י. מ. רובינאָוו.

געוועהנליך בעווייזט מען דעם שאַדען פון דער איממיגראַציאָן גאַנץ איינפאַך.

דיא פּראָפעסאָרען פון פּאָ־ליטישע עקאָנאָמיע, דיא פּאָלי־טישענס, וועלכע האַלטען זיך גרויס מיט זייער „אונפּארטייליכקייט“ און מיט זייער „ליעבע“ צום ארבייטער־קלאַס, און דיא אַרבייטער אַליין געברויכען געוועהנליך דיזעל־בע אַרגומענטען אָדער דעמזעלבען ארגומענט:

דעם אַרבייטער'ס לאָהן הייגגט אָב דאַפון, וויפיעל הענד עס באָטען זיך אָן צו אַרבייטען: וואָס מעהר ארבייט־זוכער, אַלץ ניעדעריגער פאַלט דער פרייז פון דיא ארבייט און דערפאַר דאַרפען דיא אַרבייטער, וועלכע זיינען שוין אין לאַנד, זעהען, אז קיין פרישע אַרבייטער פון אַנדערע לענדער זאָלען אהער ניט אָנקומען.

דאָס איז אייגענטליך דיזעלבע פּאָליטיק וועלכע האָט דאָ געבראַכט צו דיא איינפיהרונג פון „קלאָוזד־יוניאָנס“ (פערשלאָסענע יוניאָנס), וואו נייע מיטגליעדער ווערען צוגעלאָזען מיט דיא גרעסטע שוויעריגקייטען. מען מוז אויך מודה זיין, אַז אין געוויסע פעללע, אין דיא גלאָז־פאַבריקען, למשל, האָבען דיא אַרבייטער דורך אַזעלכע מיטלען אָנגעהאַלטען זייער גוטען לוין.

אַלזאָ, איז דאָס דאַכט זיך, גאַנץ איינ־פאַך? און דאָך איז דאָס ניט אזוי פשוט. מיר אַליין איז אויסגעקומען צו רעדען דאַריבער מיט פיהרער פון אידישע שניידער, וועלכע האָבען מיר געזאָגט, אז דיא איממיגראַנטען, דיא „גריי־נע“ הרג'ענען אַוועק זייער טרייד.

— און וויא קלעהרט איהר — האָב איך זיי געפרעגט — זיינען פאַר דעם אידישען אַר־בייטער שעדליך אויך דיא דייטשע, אונגאַרישע, פּוילישע און איבערהויפּט אַללע איממיגראַנטען, וועלכע אַרבייטען אין דיא מיינס, אויף דיא פאַרמס א. ז. וו.? גלויבט איהר ניט, אז דאַדורך, וואָס דיעזע איממיגראַנטען דאַרפען דאָך האָבען פאַרטיגע קליידער, ווערט גרעסער דיא נאַכ־פראַגע אויך אויף אידישע שניידער?

איך האב געזעהען, אז דער מאן, וועלכען איך האב געשטעלט דיעזע פראגע איז געוועזן מיט מיר איינפערשטאנדען. אויף זיין געזיכט האט מען געקענט לעזען דיא ווערטער: „עה, אז אהער וואלטען געקומען אנדערע, ניט אידען, וואלט ניט אויסמאכען, אבער, אידען“....

און אט דא זעהט מען טאקע וויא פערפלאנטערט עס איז דיא פראגע; ווען אהער וואלטען געקומען נאר שניידער, וואלטען דיא אמעריקאנער שניידער געהאט דאפון שאדען; ווען אהער וואלטען געקומען נאר זעטצער, למשל, וואלט עס פאר דיא היגע זעטצער געוועזן ניט גוט, אבער דא איז דאך דער קלעהר אויב דיא איממיגראציאן איז ניטצליך אדער שעדליך פאר דעם גאנצען ארבייטער־קלאס און דאס איז שוין אן אנדער פראגע. ווארום יעדער אימיגראנט ברייגגט מיט זיך ניט נור צוויי הענד, זאנדערן אויך א מויל. נאך מעהר, ער ברייגגט מיט זיך אפט ניט איין מויל, נאר צוויי, דריי און זאגאר אכט מיילער. יעדער ארבייטער, ניט נור וואס ער שאפט סחורות, ער פערברויכט אויך סחורות.

חוץ דעם זיינען ניט אלע איממיגראנטען ארבייטער, זעהר פיעל זיינען קאממערסאנטען אדער מענשען מיט אינטעלליגענטע פראפעסיא־נען, קונדען אבער זיינען זיי אלע.

און מיט וואס איז דאס דער עמיגראנט שעדליכער פאר אן אמעריקאנער יונגען מענשען, וועלכער ווערט אן ארבייטער? דיא ארבייטס־בעפעלקערונג פון יעדען לאנד וואקסט און אויב מיר זאלען אננעהמען, אז וואס מעהר ארבייטער עס זיינען דא, אלץ ערגער איז דיא עקאנאמישע לאגע פון דיא ארבייטער, וועט דאך אויסקומען נאך דיעזעם חשבון, אז אמעריקא וואלט זיך געפונען אין א בעסערע עקאנאמישע לאגע, ווען דיא בעפעלקערונג וואלט ניט געוואקסען, נור וואלט געוועזן קלענער. אבער ווער וועט זיך אנ־נעהמען אזא זאך צו בעווייזען? דיא וואונדער־בארע ענטוויקלונג פון אמעריקא ערקלעהרט זיך ניט נאר דאדורך, וואס זיא בעזיצט זעהר גרויסע אוצרות פון נאטירליכע רייכטהימער, זאנדערן אויך דאדורך, וואס דיא בעפעלקערונג איז שנעל געוואקסען אזוי, אז זיא זאל קענען אללע דיעזע נאטירליכע רייכטהימער בעארבייטען.

פון דיא אייראפעאישע לענדער האט דייטשלאנד געמאכט אין דיא לעצטע יאהרען דעם גרעסטען פראגרעס אין עקאנאמישער ענט־וויקלונג, און דארטען איז דיא בעפעלקערונג געוואקסען פון 52 מיליאנען אין יאהר 1895 אויף 60 מיליאנען אין יאהר 1905, דאס מאכט אויס א צו־וואוקס פון 16 פראצענט אין 10 יאהר. אין דיא פעראייניגטע שטאאטען זיינען געוועזן אין יאהר 1890 63 מילליאנען מענשען און אין יאהר 1900 ארום 76 מילליאנען, דאס מאכט א צו־וואוקס פון 21 פראצענט, אבער דארין זיינען שוין ארייגגערעכענט אי דיא נאטירליכע פערגרעסערונג, אי דיא אימיגראציאן. די פראנ־צויזישע בעפעלקערונג וואקסט ניט, אבער קיי־נער וועט ניט זאגען, אז דער פראנצויזישער אר־בייטער לעבט בעסער וויא דער דייטשער ארביי־טער. מען דארף אויך געדענקען, אז אמעריקא איז נאך פארלויפיג זעהר וועניג בעפעלקערט. אין דייטשלאנד וואהנען אויף יעדען קוואדראט־מייל 290 מענשען און אין דיא פעראייניגטע שטאאטען מעהר ניט וויא 26 מענשען און אפילו אין נויארק סטייט וואהנען אויך ניט מעהר וויא 150 מענשען. אין אמעריקא איז נאך דא געגוג פלאטץ פאר א סך מילליאנען מענשען און אזוי וויא דיא אמעריקאנער אליין פערמעהרען זיך זעהר לאנגזאם, וועלען דיא איממיגראנטען נאך זעהר לאנג קיינעם ניט ענג מאכען.

נאך איינע פון דיא הויפטטענות געגען אימיגראציאן איז דיא, וואס דיא אימיגראנטען קענען לעבען א סך ערגער פאר דיא אמעריקא־נער ארבייטער. ער איז א קלענערער בעל־הוצאה און דערפאר קען ער ארבייטען פאר ביל־ליגער.

איז דאס אמת? לעבט טאקי דער גאנצער אמעריקאנער ארבייטער־קלאס א סך בעסער פאר דעם אימיגראנט?

בשעת מען רעדט פון דעם „סטענדערד אוו לייף“, פון דעם אמעריקאנער ארבייטער, האט מען געוועהנליך אין זינען דעם ארבייטער אדער דעם פארמער פון נארד אמעריקא; וואו זיינען אבער דיא ארבייטער פון דיא סאוטה און וואו זיינען דיא מילליאנען נעגערס? אין דער סאוטה זיינען אי דער ארבייטס־לוין, אי דיא לעבענס־ארט ניט בעסער וויא אין איטאליען אדער רוס־לאנד. און וואס קענט איהר געגען דעם טהון? קענט איהר רעדן פערבאטען דיא קאנקורענץ צווי־שען איינוואהנער פון נארד און פון דער סאוטה, צווישען שווארצע און ווייסע? נאר ווען אפילו מען וואלט פערבאטען דיא אימיגראציאן פון דיא סאוטה, וואלט מען ערסט גאר נישט אויסגע־פיהרט דאמיט, ווארום דיא סאוטה־ארבייטער קענען קאנקורירען מיט דיא נארד־ארבייטער אויך זיטצענדיג אויף אן ארט. דיא קליידער וועלכע מען ארבייט אין באלטימארע, קאנקורירען מיט דיא קליידער וועלכע מען ארבייט אין ניו־יארק, און דיא ליינוואנד פון סאוטה קעראליינא קאנקורירט מיט דיא ליינוואנד פון מאססאטשו־סעטס.

פאר דעם אמעריקאנער ארבייטער בלייבט ניט קיין אנדער מיטעל וויא צו ארגאניזירען דיא דיא קאנקורענץ פון דיא ארבייטער און ענט־וויקלען אין איהם דיא שטרעבונג צו א העכערען

סאָרט לעבען. וויא מיר וועיסען איז דאָך אזא זאָרט אגיטאַציאָן פיעל לייכטער אָנצופיהרען צווישען איטאַליענער, אידען און אונגארן, וויא צווישען די געבאָרענע אַמעריקאַנער פון דער סאוטה. מען דאַרף מעהר ניט ווי דערמאָהנען זיך אָן די סטרייקס ביי די שניידער, ביי דיא מיי־נערס און ז. וו. האָט מען ווען געהערט פון אַזעל־כע סטרייקס אין דיא בוימוואָהל־פאַבריקען פון דיא סאוטה? מען דאַרף מעהר ניט וויא פער־גלייכען דיא וויידזשעס פון אַ אידישען שניידער אָדער אַן איטאַליענישען סטריט־ארבייטער מיט דיא וויידזשעס פון דיא סאוטה־ארבייטער.

ביז אַהער האָב איך אייגענטליך וויעדער־האָלט אַלטע ארגומענטען. איך וויל אָבער ענדי־גען מיין ארטיקעל מיט דיא הינווייזונג אויף דעם בעזונדערען איינפלוס וואָס דיא אימיגראַציאָן האָט אויף דיא אַמעריקאַנער בעפעלקערונג; איך ערקלעהר פאָראויס, אַז דיעזע טהעאָריע איז מיינע אַן אייגענע און בין זעהר שטאָלץ מיט איהר; דיעזע טהעאָריע, נאָך מיין מיינונג, לאָזט ניט קיין שום צווייפעל וועגען דעם, אַז דיא אימיגראַ־ציאָן איז פאַר דעם אַמעריקאַנער פאָלק זעהר ניטצליך. מיין טהעאָריע בעשטעהט אין פאָל־גענדעם:

אין יעדער געזעלשאַפט צוטהיילט זיך דיא בעפעלקערונג אויף פערשיעדענע פּראָפעסיאָ־נעלע גרופּפּען און עקאָנאָמישע קלאַסען, צוגע־פּאַסט צו דיא בעדערפניסע פון דער געזעלשאַפט; אין דעם בעטרעפענדען אויגענבליק. דיא געזעל־שאַפט, למשל, האָט נויטהיג אַ בעשטימטען פּראָצענט דאָקטוירים, לעהרער, קויפלייטע, אַר־בייטער, הויז־דיענער און ז. וו. אַ גרויסע אימי־גראַציאָן, פערגרעסערענדיג דיא גאַנצע בע־פעלקערונג, פערגרעסערט אויך גלייכצייטיג דיא צאָהל פון דיא קויפלייטע, דאָקטוירים, לעהרער און ז. וו. אָבער דיא אָרעמע, דערשלאָגענע און מייסטענטהיילס אונוויסענדע אימיגראַנטען גע־בען דאָך זעהר אַ קליינעם פּראָצענט מענשען מיט העכערע און בעסערע פּראָפעסיאָנען. דיא אימיגראַנטען וואַרפען זיך שטענדיג אין דיא ניעדעריגסטע עקאָנאָמישע שיכטען און ממילא שטויסען זיי ארויס דיא געבאָרענע אַמעריקאַנער פון דיא איינפאַכע און גראָבע טריידס אין דיא העכערע און בעסערע טריידס.

אַם ערגסטען, וויא מיר וויסען, עקספּלואַ־טירט מען דיא גרינע; אָבער דיא גרינע ווערען עקספּלואַטירט ניט נור פון זייערע באָסעס, זיי ווערען עקספּלואַטירט פון דער גאַנצער אַמערי־קאַנער געזעלשאַפט. איהר וועט אפשר דענקען, אַז דיעזע טהעאָריע האָב איך אויסגעטראַכט פון קאָפּ? עס הויבט זיך גאַר ניט אָן! איך קען איהר בעווייזען זעהר לייכט דורך ציפערען. איך וויס, איהר האָט ניט ליעב קיין ציפערען, איהר האָט ניט ליעב קיין סטאַטיסטיק; פון דעסט־וועגען בין איך געצוואונגען צו ווענדען זיך צו איהר הילף, כדי צו בעווייזען מיין טהעאָריע.

לאָמיר נעהמען, צ. ב. ש. ניו־יאָרק, וואו דיא צאָהל פון אימיגראַנטען איז גרעסער, נאָ־טירליך, וויא אומעטום. אויסער דעם אינטערע־סירט אייך ניו־יאָרק מעהר וויא אַן אַנדער שטאָדט. איהר קענט אין ניו־יאָרק מענשען מיט פערשיעדענע פּראָפעסיאָנען: דאָקטוירים, קויפלייטע, באַנקיערען און ז. וו. אָבער לאָמיר אַ קוק טהאָן וואָס דיא ציפערן זאָגען אונז.

אין דעם גרויסען ניו־יאָרק מיט זיינע 4 מיליאָנען איינוואָהנער, זיינען אין יאָהר 1900 געווען בעשעפטיגט 1,469,908 מענשען ביי פערשיעדענע ארבייטען. דיעזע אַנדערטהאַלבען מיליאָן מענשען זיינען געווען פערטהיילט אין פאָלגענדע פּראָפעסיאָנען:

ביי ערד־ארבייט, 10,574 — 0,7 פּראָצ.; ביי אינטעלליגענטע פּראָפעסיאָנען, 83,275 — 5,7 פּראָצ.; דיענערשאַפט, טאָג־לוינער און ז. וו., 352,937 — 24,0 פּראָצ.; ביי האַנדעל און פערקעהרס־מיטלען, אייזענבאַהנען און דאָס גלייכען, 470פ993 — 42,0 פּראָצ.; ביי פער־שידענע אינדוסטריען, 552,129 — 37,6 פּראָצ. צוזאַמען: 1,469,908 — 100 פּראָצענט.

פון דיעזער טאַבעלע זעהען מיר, אַז פון יע־דע הונדערט מענשען אין ניו־יאָרק זיינען 38 געווען בעשעפטיגט אין פאַבריקען, 32 אין האַנ־דעל, 24 אַלס בעדיענטע און פּראָסטע ארבייטער, און 6 ביי אינטעליגענטע פּראָפעסיאָנען. דאָס איז דיא געוועהנליכע טהיילונג פון דער בעפעל־קערונג. ווען גאַנץ ניו־יאָרק'ער בעפעלקערונג וואָלט בעשטעהען פון איינע אַמעריקאַנער, וואָל־טען דיא פערשיעדענע בעשעפטיגונגען מוזען פערטהיילט ווערען אויך אויף דעמזעלבען אופן. אין דער ווירקליכקייט אָבער, וואָהנען אין ניו־יאָרק ערשטענס, אַמעריקאַנער, ד. ה. דיא, וועמ־מעם עלטערן זיינען געבאָרען אין אַמעריקאַ.

צווייטענס, האַלבע אַמעריקאַנער, ד. ה., דיא קינדער פון עמיגראַנטען, וועלכע זיינען אָבער אליין דאָ געבאָרען געוואָרען.

דריטענס, אימיגראַנטען.

פיערטענס, נעגערס, כינעזען, יאַפּאַנעזער, וועלכע אינטערעסירען דאָ אונז ניט. מיר ווע־לען דאָ רעדען מעהר ניט פון דיא ערסטע דריי גרופּפּען.

אין גאַנצען זיינען בעשעפטיגט:

אַמעריקאַנער,	251,232 — 17	פּראָצ.
קינדער פון אימיגראַנטען	452,056 — 31	פּראָצ.
אימיגראַנטען,	723,797 — 49	פּראָצ.
דיא איבעריגע	42,823 — 3	פּראָצ.
	1,469,908—100	פּראָצ.

ד. ה. אז שוין אין יאהר 1900 זיינען פון יעדע הונדערט בעשעפטיגטע מענשען 49 געווען אימיגראנטען, 21 — קינדער פון אימיגראנטען און בלויז 17 אמעריקאנער.

יעצט לאמיר זעהען, וויא זיינען זיי פערטהיילט געוועזען אין דיא פערשיעדענע בעשעפטיגונגען.

מענשען מיט אינטעלליגענטע פראפעסיאנען לעבען נאטירליך א סך בעסער וויא ארבייטער. זייער צאהל איז, וויא מיר האבען געזעהען, 83,275.

פון זיי זיינען געווען אמעריקאנער	31,851
קינדער פון אימיגראנטען	27,672
אימיגראנטען	22,656
דיא איבעריגע	1,000

ד. ה. פון יעדע 100 מענשען מיט אינטעליגענטע פראפעסיאנען זיינען געוועזען 38 אמעריקאנער, 33 האלבע אמעריקאנער און בלויז 27 אימיגראנטען.

דער האנדעלס־קלאס לעבט אויך געוויס בעסער וויא דיא פאבריק־ארבייטער און דערפאר בעמערקען מיר דא אויך דאסזעלבע:

אמעריקאנער,	116,531
האלבע אמעריקאנער,	179,523
אימיגראנטען,	168,153
דיא איבעריגע,	6,786
	470,993

אויף הונדערט מענשען, וועלכע לעבען פון האנדעל זיינען 25 אמעריקאנער, 38 האלבע אמעריקאנער און 35 אימיגראנטען. אמת, אין האנדעל זיינען דיא אימיגראנטען פערטראטען אין א גרעסערען פראצענט וויא אין אינטעלליגענטע פראפעסיאנען, אבער דאך זיינען זיי דא אויך ווייניגער פאר דיא אמעריקאנער און האלבע אמעריקאנער; ווארום בכלל מאכען דיא אימיגראנטען אויס דיא העלפט פון אלע בעשעפטיגטע; אין האנדעל אבער — נור א דריטעל.

ווען מיר גיבען יעצט א קוק אויף דיא פאבריק־ארבייטער, זעהען מיר שוין דא א גאנץ אנדער בילד:

אמעריקאנער,	70,046
האלבע אמעריקאנער,	173,540
אימיגראנטען,	305,440
דיא איבעריגע,	3,103
אין גאנצען	552,129

פון 100 ארבייטער זיינען 55 אימיגראנטען, 31 האלבע אמעריקאנער און 13 אמעריקאנער.

הויפטזעכליך ווארפט זיך אין דיא אויגען דיא דיפערענץ צווישען דיא אמעריקאנער און אימיגראנטען אין דיא שווערסטע ארבייטען:

אמעריקאנער,	31,149
האלבע אמעריקאנער,	68,695
אימיגראנטען,	221,498
דיא איבעריגע,	31,550
	352,892

אויף הונדערט מענשען פון דיעזען קלאס זיינען 9 אמעריקאנער, 19 האלבע אמעריקאנער, 9 נעגערס און 62 אימיגראנטען.

וואס בעווייזען אונז דיעזע צאהלען? דיא צאהלען בעווייזען אונז, אז וואס העכער דער קלאס איז, אלץ מעהר זיינען דא אין איהם אמעריקאנער און וואס ניעדריגער דער קלאס איז, אלץ מעהר זיינען דא אין איהם אימיגראנטען. די האלבע אמעריקאנער שטעהען אזוי וויא אין מיטען. דיא לאנד אבער קען ניט אויסקומען מיט איינע דאקטוירים אדער קויפלייטע, זיא מוז האבען מענשען ב ייאלע ארבייט און אזוי וויא דיא אימיגראנטען בעשעפטיגען זיך ביי דיא גרעבסטע און איינפאכסטע ארבייט, האבען דערפאר דיא אמעריקאנער דיא מעגליכקייט צו פערנעהמען זיך מיט אינטעלליגענטע פראפעסיאנען און האנדעל.

דאס קען בעוויעזען ווערען אויך אויף אן אנדער וועג. דיא ארבייטענדע אמעריקאנער ווערען פערטהיילט אויף פאלגענדען אופן: אויף יעדע הונדערט מענשען ארבייטען ביי אינטעלליגענטע פראפעסיאנען 13, ביי האנדעל און פערקעהר, 46, ביי פערשיעדענע אינדוסטריען 28, אלס בעדיענטע און ד. ג. 12.

האלבע אמעריקאנער ווערען שוין איינגעטהיילט אנדערס: פון 100 מענשען זיינען מיט אינטעליגענטע פראפעסיאנען 6, ביי האנדעל 40, ביי אינדוסטריען 38, דיענער 15.

דיא אימיגראנטען אבער ווערען איינגעטהיילט אזוי: פון 100 מענשען זיינען מיט אינטעליגענטע פראפעסיאנען 3, ביי האנדעל 23, ביי אינדוסטריע 42, דיענער 31.

פערגלייכט דיא אלע ציפפערן און איהר וועט זעהען וויא אזוי דיא אמעריקאנער האבען זיך אויפגעהויבען אויף דיא פלייצעס פון דיא אימיגראנטען.

„מיר, אימיגראנטען, ארבייטען פאר אייך אמעריקאנער, מיר דיענען אייך און מיר לערנען זיך ביי אייך און איהר זייט נאך אזוי אונדאנקבאר, אזוי, איהר זייט מיט אונז ניט צופריעדען“. אט דאס קען ענטפערן דער אימיגראנט אויף אלע טענות וועגען דעם שאדען פון דיא אימיגראציאן.

ארויס פון גלות.

(אַרזאַרעט.)

פון פער האלסטראם.

איבערזעצט פון מאיר בלינקין.

(1טע פאָרטזעצונג.)

מיט א געהיימניספאָלען קול פלעגט מען אימער איבערדערציילען דאָס אלטע נביאות וועגען מישיח'ס קומען. דער קול איז געווען געמישט מיט טרייסט און לייד. עס האָט זיך געפונען עפּעס אזאַ קראַפט, וועלכע האָט געצוואונגען צו גלויבען אלעס, און אין דער זעלבער צייט אַ פערלאָרענע האָפנונג, וועלכע וועט קיין מאָל נישט פערווירקליכט ווערען.

משיח וועט קומען, אזוי וואהר וויא עס איז דאָ א גאָט אין הימעל. עס קען זיין אז נאָך מאָרגען וועט ער קומען, אָבער איך וועל שוין דאמאלס זיין אין קבר! לייכטען וועט זיין גרויסקייט אזוי וויא די שיין פון דער פריהלינג־זון, נור שווער איז מיר אצינד צו שטאַרבען אין דער פינסטער! זיין האנט וועט אונז ווידער העלפען זיך אויפהויבען פון שטויב, וויא ער וועט זיך נאָר בעווייזען וועט מיט רעש אָנגעפילט ווערען די לופט, עס וועט אזוי רוישען, וויא בעת די זאנגען און די בלומען בויגען זיך פון שטאַרקען ווינט, אָבער דערווייל איז אונז שווער, אוי וויא שווער!"

פון דור צו דור איז די נביאות איבערגעגאנגען. און יעדען מאָל ווען א פרוי פלעגט געבוירען א קינד, נאָך איידער איהרע וועהטאגען פלעגען געשטילט ווערען איז ווען מען פלעגט נעבען איהר אוועקלייגען איהר ווייסען, ווארעמען אוצר, נאָך ניט ניכטער פון איהר פרייד, פלעגט זיא זיך שוין ערלויבען צו האָפען אז אפשר וועלען אָט די אויגען זוכה זיין צו זעהען משיח'ן. נאָר באלד נאכדעם פלעגען איהר אין קאָפּ קומען אנדערע געדאנקען, אז אויב עס וואָלט אין אמת'ן אזוי זיין, וואָלט זיא דארפען מיט איהר לעבען באצאָהלען פאר דאָס לעבען פון איהר קינד.

אצינד האָט די נביאות וויא אין אלע צייטען, ווידער פארנומען אלע־ענס מוחות. גאַנץ קלוגע מענער האָבען אויסגערעכענט אז אצינד איז געקומען דער אָנהויב פון „קץ" און אז זיי האָבען שוין ווייניג צו ליידען.

אויסגערעכענט האָבען זיי דאָס נאָך די אלטע ספרים. און אלע קלוגע מענער האָבען געגלויבט אין דעם חשבון.

זיפצענדיג און קרעכצענדיג, האָבען זיי נאכגעדיינקט אויב מען האָט קיין טעות ניט געמאַכט אין חשבון? צו האָט מען ריכטיג פארשטאַנען דעם טייטש פון די ווערטער, וועלכע זיינען געשריעבען אין די ספרים? צו דער וואָס האָט זיי פארשריבען האָט ניט פארקורצט דעם גלות אויף א דור אָדער צוויי? און די נביאות איז ביי זיי געוואָרען גלייך וויא אַ חלום, ביי אויסגעמאַטערטע קינדער ווען דער שלאָף פארשטעלט שוין זייער גאנצען פערשטאַנד.

עפּעס נייע טענער האָבען אצינד געקלונגען אין דעם אלעמען וואָס האָט זיי ארומגערינגעלט. געפעלט האָט זיי די שטאַרקע איבערצייגונג. נור דאָך האָט זיך געפיהלט א געוואלדיגער אונרוה, פול מיט פראגען און קשיות, צווייפעל און שרעק: „מנחם האָט געזאָגט,

מנחם פארזיכערט, מנחם האט אין שלאף גע־
זעהען, מנחם האט געהערט א בת־קול...."

אי ספקות, אי אינערליכער קאמפף האט
זיך אין דיא ווערטער געפיהלט, נור געקעמפפט
און געצווייפעלט האבען זיי מיט א זאך, וואס
ס'איז מעגליך, וואס ס'איז פארהאן, און ניט
מיט קיין אויסגעטראכטער באבע־מעשה.

„מנחם רודערט אויף דאס יונגוואַרג; ער
פארבלענדט זיי מיט א פאלשען גלאנץ; ער
ווייסט ניט מעהר פאר אלעמען; ער איז געפעהר־
ליך; ער איז א מאדנער, און וואס וויל ער אין
אמת'ן האבען? און וואס וועט זיין אז דארט
אויבען, ביי זיי אין קעסעל־שטאדט וועט גע־
בוירען ווערען א פערדאכט אויף זיי? צו דען
זשע וועלען זיי זיך נישט דערוויסען, מען
קען אפילו אין דער לופט דערשמעקען, וועגען
וואס מען סוד'עט זיך דא בסדר. צו דען זשע
דארף מען קיין נבואה נישט באהאלטען גע־
היים? און וואס דען באשטעהט דער גאנצער
שכל אז נישט נור אין דעם?"

* * *

רחל האט אויך נישט פארשטאנען, וואס
דארף דא דער גאסט, און דערמאנענדיג זיך אן
דעם גלאנץ פון זיין ווילדען בליק און זיינע
נישט אויפגעהאלטענע, האסטיגע בעוועגונגען,
פלעגט איהר אנכאפען א ציטערניש. און זיא
האט געטראכט: „משוגע'נער, משוגענער!"
דאך האט זיין נאמען זיא אימער בעצויבערט.

איין מאל, ווען דיא זון האט מיט פונקען
אין גאנצע בונטען ליכט דורכגעשלאגען דיא צו־
ריסענע טונקעל בלויע וואלקענס, איז זיא נאך
אמאל געגאנגען צום טייך, און דארטען איהם
געטראפען.

פערטיעפט איז ער געשטאנען, און האט
עפעס שטילערהייט געמורמעלט. באלד האט ער
אנגעהויבען ברומען. זיין קול איז געווארען היל־
כיגער, שניידענדער, דורכדרינגענדער און זיי־
נע אויגען האבען שטריינג געקוקט אין וואסער.
נאכדעם האט ער פערווארפען דיא קאפ
אויף א זייט, און האט ליעב געשמייכעלט צום
גלאנץ פון דעם וואסער־שוים, און נאך צו
עפעס, וואס האט געלעבט אין זיין פארשטע־
לונגס קראפט און, דיא אויגען האבען דער־
ביי קאלט געקוקט. נור פלוצלונג דערזעהענדיג
לעבען זיך רחל'ען, האט ער זיך אבגעקעהרט
פון טייך און שטיל און טרויעריג זיא אנ־
געהויבען באטראכטען.

„קומסטו אפט אהער? האט ער ענדליך
ביי איהר געפרעגט.

רחל'ס קול האט געציטערט, בעת זיא האט
איהם געענטפערט:

— נור דא קען מען נאך אטהעמען.

ער איז צו איהר צוגעגאנגען גאר נאהענט,
זיא גענומען פאר'ן האנד, נור נישט צו בעגרי־
סען. גלייך וויא עפעס א חפץ האט ער קוקענדיג
איהר אין דיא אויגען, געהאלטען איהר האנט,
און זיין קול האט געקלונגען, שטריינג און אב־
לאכענדיג: „זעהר ווייסע, זעהר ווייסע. —
האט ער ארויסגערעדט. — „דא ביי אייך בא־
געגענט מען זעהר זעלטען ווייסע הענט... מידע,
בלייכע, שוואכע, וועלכע זיינען אפילו נישט
פעהיג אויסצודריקען פארצווייפלונג... ביי דיר
אבער זיינען צו־ווייסע הענט און זעהר טרוקע־
נע אויגען."

„אויך האב איך דא געזעהען אזוינע אוי־
גען, וועלכע צוליעב זייער צופיעל וויינען, קע־
נען ליכטיג נישט זעהען!"

און פאר וואס קענסטו נישט אטהעמען
צווישען זיי? פאר וואס קענסטו ניט וויינען.
דרייסטו זיך אוים צו זיי מיט'ן רוקען?"

„דו זיצט זיך ביי'ם ברעג טייך און האלסט
אין איין טרוימען און דענקען וועגען פארפאר־
נע שיכעלאך, וועגען רויטע בלומען און פאלא־
צען, און וועלכע עס הערט זיך נישט קיין וועה..
דוא וואלסט וועלען אז א שיפעל זאל אהער צו־
שווימען מיט א הימעל־פארביגען דאך, און דו
זאלסט גאנץ פיין ארייז אין איהר און זיא זאל
דיך אוועקטראגען אראפ מיט'ן וואסער, וויא
נור מעגליך וועיטער פון דאנען... דיר וואלט זיך
נאך וועלען גאר ניט הערען, ליגען רוהיג און ניט
ריהרען מיט קיין אבר, און האלטענדיג דעם
קאפ אויף ווייכע קישענס און זיך צוהערען ביי
דערזעלבער צייט וויא דער פאך. קיצעלט דיין
האלז. אבער דאס פליעסען טרייבט זיך נאך'ן
שטראם און פארשלייערט אלץ וואס שטערט
איהם אין וועג."

„דער וואסער־פאל און דיא פינסטערניש
האבען שוין לאנג צושמעטערט אויף שפינדלאך
דאס שיפעל פון דיינע פאנטאסטישע הלומות."

„קעהר זיך אום און באטראכט! פאסט
זיך דא צו דער לופט דיינע טרוימערייען? מיט
אייזען איז דא אנגעפילט דיא ערד. דיא שיין
איז דא גלייך צום גלאנץ פון שפיזען און העק.

„זעהר קליין זיינען דיינע ליידען און
פריידען פאר דעם טייך. צו דרעה זיך אוים
אהין.. דארטען, אויבען זיינען כאטש פארהאן
צרות אויף וועלכע אמווייניגסטען דוא קאנסט
וויא אויף דיינע אייגענע קוקען, דארט איז דיין
ארט! דא דיא ליידען, זיינען זעהר גרוים..."

און ער האט מיט אזא כח א שליידער גע־
טאהן איהר האנט, אז עס האט איהר אנגעהיי־
בען וועה טאהן.

רהל האט אראבגעלאזען דיא ברעמען: —
„זייערע צרות זיינען זעהר אונבעדייטענד פאר מיר. און נישט קיין פארגעניגען קום איך אהער זוכען.. און דוא ? נאך וואס קומסטו אהער?"

ער האט געשוויעגען, גלייך וויא ער וואלט גאר ניט הערען איהרע רייד. זיינע ליפען האבען זיך נור באוועגט, אזוי וויא זיי וואלטען אונטערהאלטען דיא נאמען פון איהר קול. און ער האט זיך בעת מעשה צוגעהערט צום פלאצען פון דיא גרויסע פאבירען אונטער'ן וואסער־בוים.

רהל האט א ווייל געשוויעגען און וויעדער אנגעהויבען: „אויך דוא ביסט דאך מיעד געווארען; היינט פארוואס זאל מיר ניט ערלויבט זיין דער פארגעניגען ? דוא אליין ביסט דאך געוועזען אויבען, און האסט געזעהן זייערע ליידען. — עס צווינגט זיי אראבלאזען דיא אבער זייערע אויגען פארבלייבען לעערע גריבער... זיי צעהלען טאקע דיא קלעפ וואס שיטען זיך אויף זיי, אבער צום שטארקען, וויא צום שוואכען בלייבען זיי גלייכגילטיג. ביי זיי איז שוין כמעט א פארגעניגען צעהלען דיא קלעפ. זיי קוקען נור אהין, וואו עס איז לעער. זיי פארטויבען איינס דאס אנדערע און הערען בא דערזעלבער צייט קען מען אלין זעהען! עס ווערען דיא ליידען פיעל גרעסער, נור דערפאר ניט אזוי אונגעלומפערט."

ער האט ארויפגעלעגט איהר קאפ צו זיך אויפ'ן פלייצע, ניט אברייסענדיג דיא אויגען פון דער ווייטקייט, אין וועלכען ער האט געקוקט. מיט דער האנד האט ער אנגעוויעזען אהין, וואו עס האבען געפיבערט ווייסע פייערלאך.

„גרויס איז דאך דא דיא פרייד!" — האט ער אויסגעשריען, וויא ער וואלט זיין שטארק ענטציקט.

— „זעה זעה! א גאנצע וואנט מיט בלאנקענדע שפיזען דערנעהנטערן זיך אהער."

און דערפיהלט האט זיא, אז זיין שטימע האט זיא בעטויבט, גלייך עפעס א פרעמדע קראפט וואלט זיא אויפהויבען אין דער הויך זיא טרייסלען און וויעגען אזוי האט זיא געציטערט.זיא האט געציטערט, הערענדיג זיין קול און נאך מעהר בעת ער האט זיך אן איהר אנגעריהרט. דערזעהען האט זיא זיך אין זיין נעץ און האט זיך דערמיט טאקע שטארק געפרעהט.

— „דיא בלאנקענדיגע שווערדען דערנעהענטערן זיך! דאס וואס האט זיך אויפגעהויבען וויא א וואנט וואגט ניט צוריק צו פאלען. וועבעכין און האר פלאטערן אין דער לופט, פערד הירזשען און ציטערן; אפילו קיין איינציגער קויל שטערט ניט דיא שטאלצע זיעגענדע שטילקייט, גלייך וויא א אנגעצויגענע סטרונע האלטען זיך אלע געהענדע! עס איז געווען א פאלק, וועלכער האט געהארעוועט מיטן בלוטיגען שוויס און דאך האט מען איהם געצוואונגען זיין פערשקלאפט, און ער האט קיין מאהל פאר זיך דעם מאל ניט געזעהען. און געקומען איז א מאן און האט זיי אויסגעשטרעקט זיין האנד אין אבגרונד פון פינסטערניש און האט פאר זיי אויסגעשפרייט א וועג"...!

„דא איז מעגליך פרייד! פיהלסטו כאטש וויא גרויס זיא איז? קענסטו טאנצען נאך דעם קלאפען פון'ם פויק וויא מרים? קענסטו צופאטשען מיט דיא הענד און זינגען? לאמיר לויבען דעם אלמעכטיגען גאט! א גרויסע זאך האט ער אויפגעטהאן! זעהסטו זייערע גרויע האר, אויפהויבענדיג זיך גלייך וויא פלאמען־צונגען? זעהסטו זייערע בלייכע הענד?"

„שארפע, שטעכיגע ווערטער הויבען זיך אין דער הויך און פאלען ווידער אראב צוריק און בלייבען לעבען הינטער זייערע פלייצעס, און באלד הויבען זיי זיך ווידער אין דער הויך, און עס קומען צו נאך און נאך אלץ פרישע קולות. אויף אלע קעפ פון דיא מענשען הייבען אן פלאטערן גלייך וויא רויטע שטיינגעס, דיא צייכענט אויף זייערע בלאנקענדע שפיזען, — און את דאס זיינען קאמפפ־ליעדער!

גאר אונערווארטעט האט זיך דורכגעריסען א זונען שטראהל אין א שמאלען פאס צווישען דיא וואלקענס, א געלער זונען שטראהל פון הינטער דער מאסיווער פינסטערניש, און אלץ האט ארום וויא גאלד אנגעהויבען לייכטען, און אפילו אויפן וואסער האבען זיך צולאזט גילדערנע שפיזלעך.

ער האט אבגעלאזען רחל'ן, זיך אומגעקעהרט צו איהר מיטן פנים און אויף איהר שארף א קוק געטהאן. נאך קיין מאהל ביז אהער האט ער זיך דיא מיה ניט געגעבן זיא אזוי צו בעטראכטען. זיינע אויגען האבען אזוי געברענט, אז מען האט אין זיי קיין שווארץ־אפפעל ניט געמערקט און אפילו דעם אינעווייניגסטען רייף אין זיי, אלץ איז געווען פערשלונגען מיט זודיגע פרייד.

און געשווינד, פאכענדיג מיט דיא הענד, האט ער פארטגעזעצט:

— עס וועט קומען אן אויסלייזער! גיך וועט ער קומען! מעגליך אז ער איז שוין דא. ר' אישא האט דאס אויסגערעכענט נאך מיט טויזענדער יאהר צוריק. דאמאלס האט מען אויך אזוי געווארט וויא אצינד. מען האט דאמאלס אויך אזוי געפיבערט פון אונגעדולד וויא היינט

און אישא איז געווען אי טרויעריג, אי רוהיג מחמת ער האָט אַלעס קלאָהר געזעהען. איצט איז געקומען די צייט! בן אישא האָט אויסגערעכענט און איך מנחם פיהל דאָס און הער דאָס. געהערט האָב איך אַ זמר אין שלאָף. דאָס איז געווען דאַמאַלט, ווען איך בין, נאָך 3 טעג פאַסטען, געזעסען אין דער פריה אונטערן בארג. פלוצלונג האָט דיא זונן דורכגעריסען דיא פינסטערניש, צוריסען זיינען געוואָרען דיא וואָלקענס און עס האָט מיך אין גאַנצען אַרומגענומען...."

„געהיימע שאַטענס זיינען צו מיר געקומען און זיינען האַסטיג פערשוואונדען... שאַטענס אונבעוועגליכע...

האַלב האָבען זיי פון מיר דאָס געזיכט פערשטעלט, זיי האָבען געקוקט אין דער ווייט. אַ גאַנצע מחנה זיינען זיי געווען און געשוויגען האָבען זיי אַלע. אויף זייערע קליידער זיינען געווען געדיכטע פאַלדען און נאָך זיי. איז עפּעס אויך געקומען... דיא זונן האָט מיך פערבלענדעט, און דיא שאַטענס זיינען געגאַנגען פאַרביי, וואַרפענדיג שווארצע פאַסען אויף איהר גרויסען רייף; אָבער ניט שוואַרץ האָט דאָס אויסגעזעהען. עס האָט געלויכטען וויא בלוט. עס האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט גלייך צו אַ ריעזיגען קווייט. דו הערסט רחל? דער משיח וואָס וועט קומען איז גרעסער פאַר משה'ן! ער וועט אונז אויסלייזען פון שקלאַפעריי און וועט אונז נישט אַריינוואַרפען אין טויזענדע יאָהריגען שמאַך און אונגערעכטיגקייט! ער וועט אונז ברייגגען צו אַ טויזענד יאָהריגען גוטען נאָרמאַלען לעבען!"

„אונזער לאַנד שפּרייט זיך אויס דאָרטען, ווייט! עס איז פּרוכטבאַר און נאַקעט, גלייך צו דיא מצבות אויף וועלכע אונזערע עלטערן האָבען אַמאָהל מקריב געווען קרבנות..."

„פערברענט זיינען דאָרט דיא שטעדט. אַלץ איז אַלט און ווייס פון אַש. דיא קאָפּ פון דער ערד איז דאָרט גרוי געוואָרען... אָבער גרויס און וואונדערבאַר וועט דאָס לאַנד אויפלעבען. נאָך שענער וויא אַמאָהל. גאָט אַליין וועט קומען אין יענעם לאַנד, און אונטער זיינע טראָט וועט דיא ערד זיך בעדעקען מיט בלומען... און מיט אויגען פול פון טרעהרען וועלען מיר קושען אונזער ערד, און מיט פרייד וועט זיא אונז ענטפערן אויף דיא קושען, און מיט פורפור וועלען בעדעקט ווערן איהרע באַקען. עס וועט הערשען אייביגע פריידע, און קיין שלעכטס וועט מעהר ניט זיין. קיינער וועט דאָרט קיין שקלאַפען־קייטען ניט טראָגען!"

און ווען מנחם האָט אַריינגעקוקט אין זיינע טיעפע חזיונות, איז זיין פנים געוואָרען רוהיגער און זיינע אויגען האָבען געלויכטען וויא עס וואָלט זיך אין זיי אָבגעשפּיגעלט דיא גילדערנע בילדער פון דעם לאַנד, וועגען וועלכע ער האָט גערעדט. און דערפון זיינען זיי געוואָרען נאָך רוהיגער, נאָך גרעסער און בעת ער האָט גערעדט האָט זיך זיין קול געהערט אַזוי וויא פון זעהר ווייט:

—„אונזער לאַנד איז דאָס געווען, אָבער דאָס לאַנד וועלכעס מען האָט אַצינד אויסגעקליבען איז אַ סך ווייטער. אונטער רויטע טייכען טרעהרען, אונטער גלענצענדע בערג ליגט עס אויסגעשפּרייט..."

ער האָט זיך פערהיקעט און איז אַנשוויגען.. זיינע אויגען האָבען נאָך אַלץ אַריינגעקוקט אין זיינע חזיונות, אַפילו ווען זיין שטימע האָט זיך געביטען מיט זיס זאַנפטער גוטסקייט.

—„אין דעם לאַנד פון דיינע עלטערן וועסטו קומען. דו וועסט זעהען דעם ירדן, צו דיינע פיס וועט ער ברייננגען דעם אוצר פון דיינע חלומות און דיר וועט אַפילו אויפן געדאַנק ניט קומען אַן איבריגען טריט טהאָן און זיך אַראָבלאָזען צו איהם. וויא אַ גילדערנע שטיינגע וועט זיך פאַנאַנדערוויקלען פאַר דיינע אויגען דער טייך. דו וועסט אויף איהם קוקען און קיין אַנדער פערלאַנג וועט ביי דיר גאָר ניט זיין וויא נור אונענדליך קוקען אויף זיין אויבערפלעכע".

נאָך זיינע רייד האָט רחל אַצינד זיין נשמה דערפיהלט און האָט געטראַכט וועגען איהר שיינקייט. נור עפּעס האָט זיא מעהר געפונען אין זיינע ווערטער וויא דאָס וואָס ער האָט איהר געזאָגט. עפּעס פערשטעלטע וועגען, בלויע לופט.

—„און דו, דו זעלבסט?" האָט זיא איהם געפרעגט.

צאָרנדיג האָט ער איהר האַנד פון זיך אַראָבגעוואָרפען.

—„צו דען זשע איז פאַר דיר ווייניג צו זיין דאָרט? פרני דו איינע, איז דאָס דען קאַרג פאַר דיין אונגעוועהנליכער נייגעריגקייט? דו פאָדערסט נאָך מעהר?"

זיא איז רויט געוואָרען פון פערלעגענהייט און האָט זיך צולאכט.

—„נישט איבריג הויך איז אויך דיין נשמה. פערלאַנגסט וואָס טהייערער מען זאָל שאַצען דיינע טרויעמעריייען. דו לייגסט מיר פאָר איינע פון זיי, אָדער אפשר גאָר אַ האַלבע? צו דען זשע וועט זיך ביי דיר נישט געפינען עטוואס מעהר ?"

ער האָט זיך אַפילו דיא מיה ניט געגעבען צו בעגרייפען איהר איראָניע און האָט אַלץ אויף איהר געקוקט און גלייך וויא ער וואָלט

גאַר ניט געזעהן. זיינע ווערטער זיינען נור גע־ווען פאַנטאַזיעס. דאָס לאַנד וועגען וועלכען ער האָט גערעדט האָט עקזיסטירט נור פאַר איהם. און יענע צייט האָט ערשט געדאַרפט קומען.

און רחל האָט געקוקט און געקוקט. זיא האָט געפיהלט וויא איהר גאַנצעס וועזען ווערט דורכ־געדרונגען מיט פרייד; געפיהלט וויא אַלע איה־רע פערלאַנגען גלייכען אוים שטאַרקע פליגלען און איהר דורשט נאָך דעם גליק וועלכעס איז געמאָלט מיט פורפורנע פאַרבען און אַ סך אַנ־דערע שטרעבונגען מיט ווייט זעהענדע ליוטערע בליקען.

„אין יענעם לאַנד, — האָט זיא שטיל גע־פרעגט, — איז גוט צום לעבען? ס'איז אַ שעה־נעס? איז פון אַלעמענס בליקען און קולות נישט שטיקענד דאָרט צו לעבען? איז דאָרט גרינג דיא לופט, איז דאָס מעגליך, אַז דאָרט זאָל קיין זאַך ניט שאַדען און בינדען און ליידען? וועט דאָרטען אַלעס זיין אַזוי גרוים און ערהאַבען, אַז קיינער וועט ניט דאַרפען ביים זונען אויפגאַנג זיך אוועקשטעלען און קוקען מיט צער אויפן טייך?“

מיט ווילדער פרייד האָט מנחם אַ קוק גע־טהאָן איהר אין דיא אויגען.

—„יענעם לאַנד, — האָט ער גערעדט איינ־געהאַלטען, — גלייך ער וואָלט געוועזן אין אַ מקום קדוש, נור זיין יעדעס וואָרט האָט געקלונ־גען שטאַרק און איבערצייגענד, — יענעם לאַנד געפינט זיך אין דיא ווייטענים פון ארזארעט, קיהל און גרינג איז דאָרט דיא לופט. דיא זונן איז נאָהענט און דיא מאָס איז אַ גרויסע פון מענשליכען בליק, שטיל איז דאָרטען! און ווען די זונן פערגעהט, ברענט דאָרט אַ קוסט דערנאָוו־ניק וויא פאַר משה'ן אין דיא אויגען. קיין רויך פון קרבנות הויבט זיך דאָרט ניט צום הימעל, וואָרים נאָהענט איז גאָט צו דיא מענשען אין זיין גרויסען רוהיגען הערשאַפט, און זייערע בלי־קען קענען דורכדרינגען ווייט אין דיא גרענצען פון דיא געלע בערג... פאַר קיין פרויען איז אָבער דאָרט קיין אָרט נישטאָ!“

„אָבער דו רחל וועסטו דען וועלען געהן מיט מיר און זינגען און טאַנצען אויפן וועג אַזוי וויא מרים? ביסטו פעהיג אַזוי וויא זיא דורכגענומען ווערן מיט דער פרייד פון זיעג? וועסטו ניט מורא האָבען אוועקוואַרפען דיין ווינקעל?“

זיין בליק, האָט רחל פעסט דיא גאַנצע צייט אריבערגעטראָגען.

—„ איך האָב מורא דאָ צו פערבלייבען — האָט זיא געזאָגט — ווייטער שרעקט מיך קיין זאַך אין דער וועלט נישט!“

מנחם האָט זיך צוגאָסען אין זעהר אַ שרעקליך משונה'דיגען געלעכטער. נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעדרעהט מיטן פנים צום שטאָדט, האָט אויסגעצויגען זיינע הענד אויף דעם זייט פון דיא אָרימע שטיבלעך און האָט הויך אָנגע־הויבען רעדען. ער האָט גערעדט כדי ארויסצו־זאָגען זיין גרויסע פרייד, נור ניט צוליעב רחל'ן האָט ער גערעדט. ער האָט בעת מעשה גאָר פערגעסען אַז זיא איז דאָ, און הערט אויך.

— „דער ערשטער וועלכער האָט געזאָגט אַזוינע ווערטער איז אַ פרוי! — האָט ער גע־שריען, און אין זיין קול האָט זיך געפיהלט פעראַכטונג. — אַ פרוי האָט דיא ערשטע דאָס געזאָגט! ווער האָט איהר אַריינגעבלאָזען דיא ווערטער? אפשר דיינקט אימיצער פון זיי אויך אַזוי, וויא זיא? אפשר פערשטעהט אימיצער דאָס זעלבע וואָס זיא... און פיעלייכט דענקען זיי אַלע אַזוי? און זיי שווייגען נור פאַר פאַלש־קייט, אָדער זיי ווילען מיך אויספּרובען? איז דאָך טאַקע נאָך נישט אַלץ פערפאַלען, ווען אַז אפילו אַ פרוי קען דאָס פיהלען?... און ער האָט זיך געלאָזען שפּרייזען מיט ברייטע, וויגענדיגע טריט.

רחל האָט געוויינט פון זיינע רייד, כאָטש ניט זעהר לאַנג. באַלד איז זיא ווידער געזעסען מיט טרוקענע, טונקעלע אויגען און אין איהר עראינערונג זיך צוגעהערט צום קלאַנג פון זיין שטימע, צום רויישען פון'ם וואַסער און האָט בע־טראַכט און געדורשט דורכדרינגען אין זיין בע־האַלטענער וועלט. אם ענדע האָט זי זיך דער־פיהלט שטאָלץ און גליקליך דערמיט וואָס גראַ־דע איהר און ניט קיין אַנדערן איז אויסגעקו־מען צו ליידען דאָס ביטערקייט פון זיין נשמה, זעהען דאָס אבשיין פון זיינע חזיונות.

* * *

אויפן צווייטען טאָג האָט זיא איהם ניט געזעהען, נור נאָך מעהר וויא אימער האָט זיא געפיהלט זיין נאָהענטקייט. . .

(פאָרטזעצונג פאָלגט.)

הייאוואטהא

פון הענרי וואדסוואָרטה לאָנגפעלא.

(איבערזעצט פון ענגליש) פון יהואש.

5.

הייאוואטהאס פאסטען.

איצטער הערט, ווי הייאוואטהא,
אין דעם וואלד געטהון האָט תפלה,
און האט אָבגעריכט תעניתים,
ניט ער זאָלל מיט מעהר הצלחה,
פאנגען פיש און שיססען חיות,
ניט ער זאָלל אין שטרייט באזיגען,
און געשם'ט זיי ביי די קריגסלייט —
נאָר א בעססערע מערכה,
האט ער פאר דאס פאָלק געבעטען.

ערסט זיך אויסגעבויט א ביידעל,
האט ער אין דעם וואלד, צום פאסטען,
ביי דעם גרויססען ים דעם העללען,
אין די זיססע צייט פון פריהלינג,
אין דעם חדש פון די בלעטטער,
דאנן פארטיפט אין טרוים־געדאנקען,
זיבען. טעג און נעכט געפאסט האָט.

אויפען ערשטען פאסט־טאָג האט ער,
דורכען גרינען וואלד געבלאָנדזשעט,
האט געזעהן דעם הירש זיך יאגען,
האט געזעהן די הייהל פון קראָליק
האט די וועווערקע געהערט דאָרט,
ווי זי קלאפּט מיט איהרע ניססלעך,
ווי דער וואלד־עוף בענא, האממערט,
און געזעהן די גענז די ווילדע,
מחנות־ווייז אין צפון פליהען,
מיט געפּילדער הויך אין אויר.
„האר פון לעבען“ — האט געוויינט ער —
מוזען מיר פון זיי זיך נעהרען ?

אויפען צווייטען טאָג פון תענית,
האט ער פאזע שטראָם געוואנדערט,
דורך די מאָסקאָדיי די לאָנקע,
מאהנאָמאָני, רייז געזעהן דאָרט,
בלויע יאגדעצקעס, מינאהגא,
רויטע פּאָזעמקעס, אָדאהמין,
גרינע אגרעססען, שאבאָמין,
און דעם וויינשטאָק, דעם בעהמאגאָט
הייגענדיג אויף ערלענבוימען,
פיללענדיג די לופט מיט ריחות.
„האר פון לעבען — האט געוויינט ער —
מוזען מיר פון זיי זיך נעהרען ?

אויף דעם דריטטען פאסט־טאָג איז ער,
טראכטענדיג ביין טייך געזעססען,
ביי דעם שטיללען קלאָהרען וואססער.
האט געזעהן דעם נאהמא שפּרינגען,
שפּריצענדיג ווי וואמפּום־פּערל,
האט געזעהן דעם אקון, סאהווא,
ווי א זוננענשטראהל אין וואססער,
און דעם העכט דעם מאסקענאָזא,
און דעם שאָגאָשי, דעם ראק־פּיש.
„האר פון לעבען — האט געוויינט ער —
מוזען מיר פון זיי זיך נעהרען ? —

אויפען פיערטען טאג געלעגען,
איז ער אָבגעשוואכט אין ביידעל,
אויף זיין בעטט פון גראָז און צווייגען,
קוקענדיג מיט האלבע אויגען,
פולל מיט טרוימען און דמיונות,
אויף די שווינדעלדיגע לאנדשאפט,
אויף דאס שטראהלענדיגע וואססער,
אויף דעם גלאנץ פון מעריב הימעל.

דאנן א יונגער מאנן באוויעזען,
האָט זיך אין דעם אבענד שיממער
אין דער בין־השמשות רויטקייט.
געלל און גרין געוועזן זיין קלייד איז,
און די לאָקען ווייך און גאָלדיג.

ביי דער טהיר געשטאנען איז ער,
לאנג געקוקט אויף הייאוואטהאן,
האט געקוקט מיט גרויס רחמנות,
אויף זיין אָבגעצעהרטען קערפּער,
און אין טענער, ווי דאס זיפצען,
פון דעם דרום־ווינד דורך בוימען,
האט געזאָגט: אָ הייאוואטהא
אָנגענוממען איז דיין תפלה,
האָסט געבעטען ניט ווי אנדרע,
ניט דו זאָללסט מיט מעהר געשיקטקייט,
פאנגען פיש און חיות שיססען,
ניט דו זאָללסט אין שטרייט באזיגען,
און געשם'ט זיין ביי די קריגסלייט,
נאָר א בעססערע מערכה,
האָסטו פאר דאס פאָלק געבעטען.

פון דעם לעבענס האר געשיקט דאָ,
איך, דער מענשענפריינד, מאָנדאמין
קומם דיר ווייזען און דיך לערנען,
ווי דורך מאטטערניס און ארבייט
קעננסטו דיין געבעט ערר־יכען,
הייב זיך אויף פון צווייגען־בעטטעל,
הייב זיך אויף און קום זיך ראנגלען.

שלאף פון הונגער הייאוואטהא
איז פון צווייגען־בעטטע ארונטער,
איז ארויס אין גלאנץ פון אבענד,
פון דער דונקעלדיגער ביידעל,
זיך צו ראנגלען מיט מאָנדאמין,
איהם באריהרענדיג דערפיהלט האט
נייען מוטה אין קאָפּ און ברוסט ער,
נייעס לעבען קראפט און האָפנונג,
שטראָמענדיג דורך יעדען אבר.

אָט אזוי געראנגעלט האָבען,
זיי זיך אין דעם אבענד שיממער,
און געוואָרען הייאוואטהא
קעמפּפענדיג איז תמיד שטארקער,
ביז די נאכט איז אָנגעקוממען,
און דער ווילדער עוף, שוישויגא
פון זיין וואָהנונג אין דיא זומפּען
קלאָגענדיג ארויסגעלאָזט האט,
זיין געשריי פון פּיין און הונגער.

און איהם, שמייכלענדיג מאנדאמין,
האָט געזאָגט: „עס וועט גענוג זיין,
מאָרגען ווען דיא זונן פארגעהן וועט,
קום איך ווידער דיך פּרובירען.
דאן געוואָרען איז ער נעלם,
צי אראָב וויא ס'זינקט דער רעגען,
צי ארויף וויא ס'שווינדט דער נעבעל,
ניט געוואוסט האָט הייאוואטהא,
בלויז געזעהען איהם נעלם ווערען.
לאָזענדיג אליין און שלאף איהם
מיט דיא זילבערשטערען אויבען,
מיט דעם טייך און נעבעל, אונטען.

מאָרגען און אויף איבערמאָרגען,
ווען דיא זונן אראָבגעפאללען
איז אין מעריב־ים, פון הימעל,
וויא דיא אש דיא גליהענדע רויטע
פון דעם גייסט דעם גרויסען'ס פייער,
אָנגעקומען איז מאנדאמין,
מעסטען זיך מיט הייאוואטהאן,
שטילל געקוממען, וויא דער טהוי קומט
ערגעץ פון דעם פּוסטען אויר,
און פארגעהט אין פּוסטען אויר,
זיכטבאר ווען ער ריהרט דיא ערד אָן,
דאָך זיין קומען און פארשווינדען,
זעהען ניט קיין מענשענ'ס אויגען.

דריי מאָל זיך געראנגעלט האָבען
זיי, אין העללען אבענדשיממער,
ביז דיא נאכט איז אָנגעקוממען,
און דער ווילדער עוף שוישויגא,
פון זיין וואָהנונג אין דיא זומפּען,
האָט פון הונגער זיך צושריען.
און מאנדאמין אָבגעלאָזען,
האָט דעם קאמפּף און צוגעהרט זיך.

הויך און שעהן געשטאנען איז ער,
אין זיין געלל־און גרינעם מאנטעל,
הין און העד זיין הויכע פעדער,
זיך געוויעגט האָט פון זיין אטהעם,
און פון ראנגלען־זיך. דער שווייס האָט,
וויא מיט טראָפּפּענס טהוי באדעקט איהם.
אויסגערופען האָט ער דאמאָלס:
הייאוואטהא דריי מאָל האָסטו
טאפּפער זיך מיט מיר געראנגעלט
און דער לעבענס האר וואָס זעהט אונז,
מאָרגען דיר דעם זיעג וועט שיינקען.

דאן געשמייכעלט האָט ער: מאָרגען
איז דיין לעצטער טאָג פון קעמפּפען,
איז דיין לעצטער טאָג פון פאסטען,
מאָרגען וועסטו מיך באזיעגען.
מאך צורעכט מיר א געלעגער,
וואו אויף מיך קען רעגען פאללען,
וואו דיא זונן קען קומען וואַרמען.
טהו מיר אויס דעם געלל־גרין מאנטעל,
צי אראָב מיין הויכע פעדער,
לייג מיך אין דער ערד, מיין צודעק
מאך נאָר לויז און לייכט און פּוכקע.

קיינעם לאָז מיין שלוממער שטערען,
לאָז ניט צו קיין ווילדע קרייטעכץ,
און קיין ווערעם מיך צו פּלאָגען,
לאָז די קאהגאגים די ראבען
פון געלעגער מיך ניט שטערען,
אויפּפאססען זאָללסט דו אלליין מיך,
ביז איך הייב אָן ווידער לעבען,
ביז איך שפּרינג ארויס אין זונליכט.

דאן אוועק איז ער א. רוהיג,
האָט געשלאָפען הייאוואטהא,
דאָך געהערט האָט ער דיא נאכט־שוואלב,
וואוואָניססא וויא זיא טרויערט,
אויף איהר אומעדיגען וויגוואם,
האָט געהערט דערביי דאָס טייכעל
סעבאָווישא וויא עס פּלוסקעט,
און צום שווארצען וועלדעל פלוידערט,
האָט געהערט דיא צווייגען זיפצען,
וויגענדיג זיך אין דעם נאכט ווינד,
באלד ארויף און באלד ארונטער,
האָט געהערט וויא מ'הערט אי ןשלומער,
ווייטע מורמלען, שושקערייען,
און געשלאָפען זיסס און רוהיג.

אויפען לעצטען טאָג פון פאסטען,
האָט דיא אלטעטשקע נאקאמיס,
שפּייז געבראכט פאר הייאוואטהא,
האָט געקלאָגט און האָט געקליאנעט,
ער זאָל פאסטענדיג ניט אויסגעהן,
ניט פארמאָרען זיך פון תענית.

ניט פארזוכט און ניט באריהרט האָט
ער דיא שפּייז נאָר איהר געענטפערט:
ווארט ביז ס'זינקט דיא זונן ארונטער,
ביז עס פאללט דיא נאכט ארום אונז,
ביז דער ווילדער עוף שוישויגא,
פון זיין וויסטען נעסט לאָזט וויסען,
אז געענדיגט האָט דער טאָג זיך.

טרויערינד אויף הייאוואטהאן,
איז א היים אוועק נאקאמיס.
זיך געשראָקען אז דער תענית,
זאָל ניט טייטען איהם חלילה...
ער, פארשלאָפט האָט אונטערדעססען,
אָבגעווארט מאנדאמין'ס קוממען,
ביז אויף וואלד און פעלד געשפּרייט זיך,
האָבען מזרח־צו דיא שאטענס,
און פון הימעל פאללענדיג, איז
מעריב־צו, דיא זונן געשוואומען,
וויא א רויטע בלאטט אין אָסיען,
פאלט און פלאטטערט אויפען וואססער,
פאללט און זינקט אין וואסער'ס בוזעם.

פּלוצלונג זעה, דער העלד מאנדאמין,
מיט דיא גאָלדיג־ווייכע לאָקען,
מיטען געלל־און גרינען מאנטעל,
מיט דער גלאנציג לאנגער פעדער,
שטעהט אין וויגוואם טהיר און ווינקט איהם
גלייך וויא איינער געהט אין שלוממער,
פון זייןביידעל הייאוואטהא,
בלייך און אָבגעצעהרט, דאָך מוטהיג,
איז ארויס מיט איהם זיך ראנגלען.

פאר דיא אויגען איהם געדרעהט זיך,
האָבען וואלד און פעלד און הימעל,
ס'האָט זיין שטארקעס הערץ געצאפּעלט,
וויא א פיש וואָס שפּרינגט און צאפּעלט,
זיך פון נעץ ארויסצורייסען,
וויא א פייער־ראָד געפלויגען,
איז פאר איהם דיא מעריב רויטקייט,
גלייך וויא הונדערט זוננען וואָלטען,
צוגעקוקט וויא זיי זיך ראנגלען.

פלוצלונג אויף דעם גראָז אלליין בלויז,
איז געשטאנען היאוואטהא,
פון דעם ווילדען קאמפף אָהן אטהעם,
פון דעם ראנגלען־זיך פארסאפעט.
שטילל און טויט דיא האָאר צושויבערט,
איז דער יונגער העלד געלעגען,
ס'קלייד צופליקט, דיא פעדער קאדריג,
טויט אין אבענדגלאנץ געלעגען.

זיין צואה היאוואטהא,
האָט ערפיללט, געמאכט א קבר
אויסגעטהון מאנדאמין'ס קליידער
און זיין פעדער דיא צופליקטע,
אין דער ערד ארייגעלעגט איהם,
לייכט אין פוכקע איהם באשאָטען.
און דער ווילדער עוף שושוגא,
פון דיא אומעדיגע זומפען,
האָט זיין קלאג ארויסגעלאַזען,
זיין געשריי פון פיין און הונגער.

דאן א היים געגאנגען איז ער,
צו דער אלטעטשקער נאקאמיס,
זיינע זיבען טעג פון פאסטען,
זיינען איצט געווען געענדיגט.
דאָך פארגעססען האָט ער ס'אָרט ניט,
וואו זיי האָבען זיך געראנגעלט,
ניט פארגעסען ניט פארלאָזט האָט,
ער דעם קבר פון מאנדאמין,
שלאָפענדיג אין זונן און רעגען,
דאָרטען וואו זיין קלייד צוואוואָרפען,
האָט געוועלקט אין זונן און רעגען.

טאָג פאר טאָג האָט היאוואטהא,
אויפגעפאסט און אָבגעהיט איהם,
ס'זאָל זיין שווארצער צודעק ווייך זיין,
פריי פון ווילדע גראָז און ווערעם,
און פארטריבען מיט געשרייען,
קאהגאגי, דעם ראבענ־קעניג.

ביז א קליינע גרינע פעדער,
פון דער ערד ארויסגעשפראָצט האָט,
דאן א צווייטע דאן א דריטטע,
ביז סוף זוממער דאָרט געשטאנען,
איז א קוקורוז א שיינער,
אין א ליכטיג העללען מלבוש,
און מיט געללע לאָקקען וויכע.
און מיט פרייד האָט היאוואטהא,
אויסגערופען: „ס'איז מאנדאמין,
ס'איז דעם מענשענ'ס פריינד, מאנדאמין.

דאן געבראכט האָט ער נאקאמיס,
און איעגו דעם בעריהמער,
וואו דער קוקורוז געבליהט האָט,
זיי דערצעהלט זיין וואונדער חלום,
פון זיין קאמפף און זיין נצחון,
פון דיא טהייערע מהנה,
וואָס דאָס פאָלק וועט תמיד שפייזען.

שפעטער ווען דיא גרינע בלעטלעך,
געלל געפאַרבען האָט דער אָסיען,
און דיא וויכע פייכטע קערנער,
הארט געמאכט אזוי וויא וואמפום,
האָט ער אָבגעהאקט דיא זאנגען,
אָבגעשטרייפט דעם געלען שאָלאכץ,
וויא א מאָל מאנדאמין'ס מאנטעל,
און צום ערסטען מאָל געפייערט,
האָט ער דעם מאנדאמין־יום־טוב
און בעקאנט געמאכט דאָס פאָלק האָט,
מיט דעם גרויסען גייסט'ס מתנה.

(פאָרטזעצונג פאָלגט)

דיא ליעד פון ראבע.

צו וואפען! צו וואפען!
אַ, הערט איהר דאָס קול?
דיא צייט איז פאר אייזען,
דיא צייט איז פאר שטאָהל.

לאָזט קלינגען דיא שווערדען,
דיא ביקסען מאכט גרייט:
מיר מוזען יעצט קעמפפען
אויף לעבען און טויט.

צו וואפען! צו וואפען!
מיט מאכט און מיט מוטה
זאָלל פאללען דער שונא,
זאָלל פליעסען זיין בלוט.

זאָלל פאללען דער שונא,
זאָלל שטורמען מיט קלאנג,
דיא וועלט־גרויס מיט אונזער
נקמה־געזאנג.

זאָלל רוישען און ברומען,
אָהן קייט און אָהן צאם;
זאָלל גליהען דער פייער,
זאָלל ברויזען דער פלאם.

צו וואפען! צו וואפען!
געהט מוטהיג און גרויס
גבורים, איהר שמשון'ס
אין שלאכטפעלד ארויס.

צו וואפען! צו וואפען!
פערראט ניט דיא צייט!
גורט קרעפטיג דיא לענדען,
גייט מוטהיג אין שטרייט.

גענוג שוין געיאָמערט!
קיין זיפץ און קיין טרעהר!
דיא ווייבער לאָזט וויינען,
איהר מענער אהער!

גבורי ישראל,
פערראט ניט דיא צייט
צו וואפען! צו וואפען!
זאָלל ברענען דער שטרייט.

יואל סלאָנים.

פּרנסה.

פון ז. קאָרנבליטה.

קוואַסמאַן, דער ריעל עסטייט אַגענט, איז אהיים געקומען אין אַבענד פון דיא ביזנעס מעהר צוטראָגען און אויפגערעגט וויא אימער.

דעם שטעקען, וועלכען ער שטעלט געוויינליך אַוועק אין קיך צווישען אייז־באקס און דער טיהר, האָט ער אַ וואָרף געטאָהן מיט כעס אין שלאָפצימער אַריין. ער האָט ניט אויסגעטאָהן דיא העט, דעם רעקעל און דעם קאָלער, וויא ער טהוט געוויינליך, גלייך וויא ער קומט אַריין אין שטוב. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטען קיך, אַ בליק געטהאָן צו די קינדער, דריי סקוהל מיידלאַך וואָס זיינען געזעסען ביים טיש און געמאַכט לעקציאָנען, דערנאָך צו דער פרוי, וועלכע איז געשטאַנען ביים אויוועו מיט'ן געזיכט האַלב אומגעדרעהט צו איהם, דאַן האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַרויסגעלאָזט אַ טיעפען, לאַנגען זיפץ און אַריינגעלאָפען אין זאַאַל.

אין „זאַאַל איז געווען פינסטער. ער האָט ניט אָנגעצונדען קיין ליכט. וויא אַ משוגענער איז ער אַרומגעלאָפען הין און צוריק, דריקענדיג מיט ביידע הענד פערדריקט אין פויסטען דעם קאָפּ, ברומענדיג און זיפצענדיג: „אַ טאָג!.. אוי, אַ טאָג!... וואָס איך האָב דאָס היינט איבערגעאַרבייט!... הא! הא! הא!...“

און מיט אַ שניידענדען וויי־טאָג אין הארצען, מיט אַ געפיהל פון עקעל פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער וועלט, איז ביי איהם איבערגעלאָפען אין מה אַלעס וואָס ער האָט איבערגעלעבט און איבערגעהאַוועט זינט ער איז אַרוים פון דער שטוב אין דער פריה.

ער איז אויפגעשטאַנען שפּעט. ווען ער האָט אָפּגעטרונקען אַ גלאָז טהעע און גענומען אין דער האַנד דעם שטעקען אַרויסצוגעהן, האָט זיין ווייב, אַ פערעלטערטע יונגע פרוי מיט אַ פּנים פון אַ שטילער מאַרטירערען, געזאָגט צו איהם:

„אין גראָסערי גיט מען שוין ניט, דיא קינדער זיינען אַוועקגעגאַנגען אין שוהל מיט אַ טרוקען שטיקעל ברויט מיט טהעע, יעטעלע און סערעלע האָבען געוויינט אַ פּעני. דאָרט איז שוין געוואָרען דער „מענש“ און האָט זיי איינגערעדט אַז מען קען אויסקומען אָהן אַ פּעני, און ביי איהר אַליין זיינען דיא אויגען געווען אָנגעגאָסען מיט טרעהרען. פאַר דינער....“

„איך וועל דיר ברייננען געלט“ — האָט ער איהר איבערגעשלאָגען, ניט אויפהויבענדיג צו איהר דיא אויגען, און איז אַרויסגעלאָפען פון שטוב.

ווען ער לויפט נישט אַרוים, וואָלט ער געפאַלען אין מיטען צימער, אַזוי האָבען איהם איהרע רייד געזעגט זיין הארץ.

וואו וועט ער נעהמען געלט, האָט ער ניט אָנגעהויבען וויסען. ביי וועמען ער האָט נאָר געקענט באָרגען אַ דאָלאַר, האָט ער שוין געבאָרגט און נישט אָפּגעגעבען. אפילו ביים סטענד־קיפּער וואו ער קויפט סיגאַרעטס האָט ער שוין „אַ כאַפּ געטאָהן“ אַ האַלבען דאָלאַר און מוז אויפלעגען דריי בלאָק אויסצומיידען דעם סטענד. וועגען שליעסען אַ געשעפט היינט איז אפילו ניט געווען וואָס אָנצוהויבען קלערען און אין קעשענע האָט ער ניט געהאַט אַ סענט.

„אַ האַלבען דאָלאַר, כאָטש אַ האַלבען דאָלאַר איהר אַרויפטראָגען זי זאָל האָבען אויף מיטאָג פאַר דיא קינדער“ — האָט ער געטראַכט אַראָפּלויפענדיג דיא שטיגען. ער האָט זיך דערמאָהנט אַז ביי איהם אין קעשענע ליעגט שוין עטליכע וואָכען אַ פאַלשער האַלבער דאָלאַר, וואָס זיין יעטילע האָט געפונען אין סטריט. ער מוז אויסבערענגען דעם פאַלשען האַלבען דאָלאַר, האָט ער ביי זיך אָבגעמאַכט, און ער האָט זיך אַ לאָז געטהאָן איבער דער גאַס מיט אַ פערצווייפעלטער ענטשלאָסענהייט וויא איינצונעהמען אַ פעסטונג.

ער האָט געקויפט אַ באַנאַנע ביי אַ פרוכט־כטענד און געגעבען דעם פאַלשען האַלבען דאָלאַר, אָבער דער איטאַליענער האָט איהם גאָר אין דער האַנד נישט געוואָלט נעהמען און געמאַכט צו איהם מיט אַ פינגער וויא צו זאָגען: „עה, סוחר, איך בין אַ מבין אויף דיר“!

קוואַסמאַן איז אַוועק פון'ם סטענד, אַריין אין אַ זייטיגער גאַס און געזוכט אַ קענדי־סטאָרקע, וואו אַן אַלטע פרוי שטעהט הינטערן קאונטער און ער האָט ניט לאַנג געדאַרפט זוכען, ער האָט באַלד דערזעהען אַ סטאָרקע וואו עס איז געשטאַנען הינטערן קאונטער אַ נידעריגע, פעטליכע אַלטע אידענע מיט וואַסערדיגע אויגען און מיט אַ פּאָר פאַרשמירטע גלעזער אין אַ מעשענער פריים אַראָפּגערוקט אויף דעם

מיטען נאַז. אַ קליין מיידעלע איז געשטאַנען ביים אויסגעפּאַטשקעטען שאָו־קיים און דיא אידענע האָט איהר גאַנץ לאַנגזאַם, מיט ציטער־דיגע הענט, געצעהלט אין אַ בעג אַריין קענדי.

„גיט מיר פאַר דריי סענט סיגאַרעטס" — האָט קוואַסמאַן געזאָגט אונגעדולדיג, ניט קענ־נענדיג זיך דערוואַרטען ביז דיא אידענע וועט פערטיג ווערען מיט'ן ציילען.

„תיכף ומיד" — האָט דיא אידענע גע־ענטפערט גוטמוטהיג. אָבער זיא האָט ניט מפסיק געווען, ביז זיא איז פערטיג געוואָרען מיט איהר קליינער קאַסטאַמערקע. דאַן האָט זי געפרעגט קוואַסמאַנ'ען וואָס'רע סיגאַרעטס ער וויל, און זיא האָט איהם מיט ציטערדיגע הענד לאַנגזאַם אויסגעצעהלט זעקס סיגאַרעטס.

ער האָט אוועקגעלעגט דעם האַלבען דאָלאַר אויפ'ן שאוקיים און געזאָגט מיט אַן אונגעדולדי־גען טאָן:

„שנעל מיסעס, איך בעט אייך, גיט מיר אויסגאָב פון'ם האַלבען דאָלאַר."

דיא אַלטע אידענע האָט זיך געפיהלט זינ־דיג אַקעגען איהם וואָס זיא האָט איהם אזוי לאַנג אָפּגעהאַלטען. זיא האָט גאָר ניט אפילו גענומען אין האַנד דעם האַלבען דאָלאַר, און אין איילעניש, אזוי שנעל וויא איהרע ציטערדי־גע הענד האָבען איהר ערלויבט, איהם אויסגע־צעהלט דעם אויסגאָב.

ער איז אַרויס פון'ם סטאָר און גענומען געהן שנעל.

ער האָט דערפיהלט, אז דיא אויערען האָ־בען זיך איהם אָנגעצונדען, דער אויבערשטער העלפט קאָפּ האָט זיך אויפגעהויבען אין דער לופטען. דיא אויגען האָבען געקוקט וויא דורך אַ זיפּ, דיא מענשען און דיא הייזער האָ־בען זיך געוואַקעלט. אָבער ער האָט געוואוסט, אז ער מוז געהן שנעל, שנעל, זיך דרעהען דורך פערשיעדענע גאַסען, און ניט אומקוקען זיך ביז ער וועט צוקומען צום הויז וואו ער וואָהנט.

אפשר פופציג בלאָק איז ער אזוי אָבגע־גאַנגען אין איין אָטהעם און ניט אומגעדרעהט דעם קאָפּ, ערשט ווען ער איז צוגעקומען אַקעגען אַ בלאָק פון זיין הויז האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך אומגעקוקט. דאַן האָט ער אָנגעהויבען געהען לאַנגזאַמער און האָט דערפיהלט, אז ער איז באַגאָסען מיט שוויים און דאָס האַרץ קלאַפּט איהם נאָר וויא אַרויסצושפּרינגען. ביי דיא שטיעגען האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעווישט דעם שוויים, זיך אָבגערוהט עטליכע מינוט און גענומען לאַנגזאַם אַרויפגעהען.

„נאַ, אויף דינער פאַר דיא קינדער," האָט ער געזאָגט צו דער פרוי, אַנידערלייגענדיג פינף און פיערציג סענט אויפ'ן טיש, און ער האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין ראָקינג־טשער און גענו־מען שווער אָטהעמען.

דיא פרוי האָט איהם גאָר נישט איבערגע־פרעגט. זיא האָט געוואוסט, אז ווען ער פער־דיענט נישט, ווערט ער ווילד ווען זיא פרעגט איהם וועגען דיא געשעפטען און וואו ער האָט גענומען.

עטליכע סעקונדען האָט ער געטראַכט פון דעם וואָס ער האָט ערשט אָפּגעטהאָן, פאַר דער אַלטער אידענע האָט איהם נישט אָנגעהוי־בען אַרען. דער האַלבער דאָלאַר וועט זיי ניט ברעכען פון דער פרנסה. אָבער וויי! וויי! דיא שרעק וואָס ער האָט איבערגעלעבט, דיא שאַנדע וואָס ער וואָלט געהאַט ווען דיא אידענע זאָל זיך געווען כאַפּען און איהם נאָכלויפען מיט אַ גע־שריי איבער דער גאַס. הונדערטער מענשען וואָל־מען זיך באַלד צונויפגעלאָפען, וויא וואָלט ער דערנאָך געקענט ווייזען זיין פנים פאַר דיא בע־קאַנטע? פאַר זיין אייגענע פרוי און קינדער?... און אַלעס צוליעב אַ האַלבען דאָלאַר!... אַנדע־רע בעשווינדלען מיט אַ צעהנטעל שרעק און גע־פאַהר אויף טויזענדער... אזוי איז עס שוין אימער ביי איהם. און זיינע כלומרשט עהרלי־כען געשעפטען דאַרף ער זאָגען טויזענד מאָל מעהר ליגענס פאַר אַ פינף און צוואַנציגער וויא אַנדע־רע פאַר פינף הונדערט...

אָבער דיעזע געדאַנקען זיינען באַלד פער־טריעבען געוואָרען פון אַן אנדער געדאַנק: וואָס וועט זיין ווייטער?... אויף סאַפּער, מאָר־גען, איבערמאָרגען, נעכסטע וואָך, דירה־געלד, שיכעלעך... וואָס וועט זיין ווייטער?... וויא אַ תליון מיט אַ שווערד אין דער האַנד, מיט בלוטפערגאָסענע אויגען איז געשטאַנען פאַר איהם דער שרעקליכער געדאַנק. פון מאַכען אַ סייל אזוי שנעל איז נישטאָ וואָס צו קלערען. זיינע „קונים", די שניידערלאַך, זיינען פארבאָ־דען מיט דיא „מאָגערזשעס" און קענען מעהר ניט קויפען, און קיין אנדערע קונים האָט ער נישט. וואָס וועט זיין ווייטער?... אַנדערע מענשען מאַכען אַ פייער, איז איהם איינגעפאַ־לען, פאַרוואָס זאָל ער עס נישט טהון? ער איז פאַרזיכערט אויף פינף הונדערט דאָלאַר. דיא קינדערלאַך?... ער וועט הייסען דער פרוי אוועקפאָהרען מיט זיי צו איהר שוועסטער און ביי נאַכט ווען אַלע וועלען שלאָפען וועט ער מאַכען דיא שרפה. ער וועט זיך אויך לעגען אין בעט אַריין און אויפשטעהען מיט אַ געשריי, „עס ברענט!". וועט מען אויסגעפונען — איז אין דער ערד אַריין! וועט ער געהען אין טורמע און מענשען וועלען פאַרזאָרגען זיין וויב און קינדער.

אָבער ער האָט זיך באַלד אַליין דערשראָקען פאַר זיינע געדאַנקען, און האָט אַ ציטער געטהאָן, מענשען וועלען פאַרברענט ווערען, קליינע קינדער.... ער וועט דאָך זיין דער שרעקליכסטער מערדער אין דער וועלט. גנב'ענען... ער זאָל קענען צוגנב'ענען ביי אימיצען הונדערט דאָלאַר. כאָטש פופציג, כאָטש צעהן... אָבער וויא? וויא אזוי? ער טויג נישט דערצו, שווינדלען... שווינדלען איז איהם לייכטער. און ער האָט אָנגעהויבען בעטראַכטען אַ פּלאַן וויא אויסצושווינדלען עטליכע דאָלאַר פון איינעם פון זיינע בעקאַנטע, זיינע אַמאָליגע יוניאָן־ברידער.

ענדליך איז ער אויפגעשטאַנען, האָט אָנגעטהאָן אַן אַנדער קאָללער, ווייל דער וואָס ער האָט געטראָגען איז געווען צו־ווייקט פון זיין שנעלען גאַנג אַהיים, און ארויסגעהענדיג פון דער שטוב, האָט ער געזאָגט דער פרוי, אַז ער וועט איהר זיכער היינט אויף־דער־נאַכט ברענגען געלד. זיינער אַ קונה וועט היינט געבען האַנדגעלד און ער וועט דערפון נעהמען העלפט קאָמיסיאָן.

„הלואי" — האָט דיא פרוי געזאָגט מיט אַ זיפץ — „ס'איז שוין צייט."

צווישען קוואַסמאַן'ס אַלע בעקאַנטע שניידער און אַמאָליגע יוניאָן ברידער איז געווען נאָר איינער וועלכען ער האָט נאָך נישט געדרעהט קיין קאָפּ ער זאָל קויפען אַ הייזקע. דאָס איז געווען שכנא דער ניעפּענטס מאַכער, אָדער „באַנטשע שוויינג," וויא דיא אפּרייטאָרס פלעגען איהם רופען, אַ איד פון אַ יאָהר פופציג, דאַר און לאַנג, וועלכער ארבייט שוין זיעבצעהן יאָהר ביי דער מאַשין, און האָט גאָר נישט בדעה אויפצוהערען אַ מאָל ארבייטען.

שכנא האָט עטליכע הונדערט דאָלאַר, אָבער ער וויסט, אַז ער איז נישט קיין מענש צו געשעפטען. אין אַ געשעפט דאַרף מען ריידען, טענה'ען, דרעהען, און ער קען נישט ריידען און נישט דרעהען. דער בעל־הבית איז פון איהם צופריעדען, דיא ארבייטער האָבען איהם ליעב כאָטש זיי מאַכען פון איהם אָפּט חוזק, וועט ער זיך שוין אָפּלעבען זיינע עטליכע יאָהר אזוי, ביי דער מאַשין. קוואַסמאַן האָט איהם אַמאָל אַ „טעקל" געטהאָן וועגען אַ הייזקעלע, האָט איהם שכנא געענטפערט „אַז דוא וועסט מיר זאָגען אויף דיינע נאמנות, אַז ס'איז אַ אמת'ע מציאה, וועל איך קויפען. דוא וויסט דאָך, אַז מיינע עטליכע דאָלאַר זיינען בלוט." קיין אמת'ע מציאות האָט קוואַסמאַן קיינמאָל נישט געהאַט. אויסגעפונען אַ „פּאַרסעל" ביי אַן אלטען גוי אָדער גויה וואָס וויסען נישט פון'ם „בום", האָט ער קיינמאָל נישט געקענט. זיינע לענדלאָרדס זיינען געווען אידישע ספּעקולייטאָרס, וואָס קויפען אויף חורבה'ס און לאָטענען זיי אויס, אַז ס'זאָל זיין וואָס צו ווייזען, אָבער נישט מעהר. און קוואַסמאַן האָט נישט געהאַט דאָס הארץ צו צורייידען שכנא'ן ער זאָל אריינלעגען זיינע עטליכע בלוטיגע דאָלאַר אין אזא מין חורבה.

איצט האָט קוואַסמאַן זיך בעשלאָסען אריבערצוגעהען צו שכנא'ן און איהם פאַרזיכערען, אַז ער האָט פאַר איהם אַן אמת'ען בארגען און איהם טאַקי שוין אוועקשלעפּען צום לענדלאָרד און זעהען ער זאָל געבען האַנדגעלד.

קוואַסמאַן איז פריהער אוועק צו איינעם פון זיינע לענדלאָרדס, האָט איהם געזאָגט, אַז ער וועט באַלד קומען צו איהם מיט אַ „בייער," מען וועט זיך זיכער באַלד אויסגלייכען, פון דעם איז גאָר נישטאָ וואָס צו ריידען, נאָר ער וויל האָבען האַלב קאָמישאָן גלייך ביים האַנד־געלד, דער לענדלאָרד איז געווען צופריעדען און קוואַסמאַן איז אוועק צו שכנא'ן.

מיט אַ געמאַכטער פרעהליכקייט איז ער אריינגעלאָפען אין דעם פינסטערן ניע־פּענטס שעפּיל און אַ קלאַפּ געטהאָן שכנא'ן אויף דער פּלייצע.

„נו, שכנא, קום!" האָט ער געזאָגט צו איהם מיט אַ בלומרשט קאָמאַנדירענדען טאָן. „איך האָב פאַר דיר אַ מציאה, וואָס קען זיך טרעפען איינמאָל אין הונדערט יאָהר."

מאַכסט חוזק?" — האָט שכנא געזאָגט, ניט אָפּשטעלענדיג דיא מאַשין, „איצט אַ מציאה?"

„נאָר איצט" — האָט קוואַסמאַן געזאָגט, מיט אַ טאָן וועלכען ער האָט געטרייעט צו מאַכען אזוי פעסט וויא מעגליך. „דער עולם קען שוין נישט קויפען און דיא ספּעקולייטאָרס מוזען פאַרקויפען. איך זאָג דיר איך האָב פאַר דיר איצט אַ הייזקע, אַז דוא וועסט מיך בענשען ווייל דוא וועסט לעבען."

שכנא האָט געגלויבט אין קוואַסמאַן'ען. ער האָט געדענקט, אַז ווען קוואַסמאַן האָט איהם מיט אַ האַלב יאָהר צוריק אַ פרעג געטהאָן אויב ער וועט קויפען אַ הייזקע און ער האָט איהם געזאָגט, אַז ער פערלאָזט זיך אויף זיינע נאמנות און אויף זיין פריינדשאַפט, האָט קוואַסמאַן איהם געזאָגט: „נו, זיין זשע בעסער אָפּ, שכנא. פערזיכערען דיך קען איך נישט." איצט פערזיכערט איהם קוואַסמאַן, אַז ס'איז דיא גרעסטע מציאה וואָס קען אַמאָל טרעפען. וואָס איז דאַ פאַראַנען צו ריידען? ער וועט קויפען.

„אָבער שוין טאַקע געהן?" — האָט שכנא געזאָגט, אָפּשטעלענדיג דיא מאַשין." „ס'איז דאָך אַן עבירה אַ האַלבער טאָג ארבייט און מען מוז דאָך זאָגען דער אידענע."

קוואַסמאַן האָט איהם אָבער צו פערשטעהען געגעבען מיט פופציג ליגענס וואָס זיינען ביי איהם געבאָרען געוואָרען אויפ'ן שטעל, אז מען טאָר דעם מסחר ניט אָפּלעגען אויף קיין האַלבע שעה, און שכנא איז מיט איהם אַוועקגעגאַנגען.

„איך פיהר איהם וויא אַ בהמה צו דער שחיטה" — האָט קוואַסמאַן געטראַכט געהענדיג מיט שכנא'ן צום לענדלאָרד. אָבער דער תליון מיט דער שווערד אין דער האַנד, דער שרעקליכער „וואָס וועט זיין ווייטער?" האָט זיך געראַנגעלט מיט קוואַסמאַנ'ס מענשליכע געפיהלען און איז זיי בייגעקומען.

דער מסחר איז געשלאָסען געוואָרען. שכנא האָט געגעבען הונדערט דאָלאַר האַנדגעלד און קוואַסמאַן האָט גלייך געקריעגען זיין העלפט קאָמישאָן — 22 דאָלאַר.

ביים געלד צעהלען איז שכנא געווען בלאַס וויא קאַלך און זיינע הענד און זיינע ליפּען האָבען געציטערט. קוואַסמאַן האָט עס געזעהען און יעדער דאָלאַר וואָס שכנא האָט אַוועקגעלעגט האָט איהם אַ זעג געטהאָן ביים האַרצען. ווען זיי זיינען ביידע אַרויסגעגאַנגען פון לענדלאָרד'ס אָפּיס האָט שכנא געזאָגט צו איהם: „עפּעס שרעקט זיך מיר דאָס האַרץ, דער לענדלאָרד — עפּעס געפעלט ער מיר נישט."

„זיי נישט קיין נאַר, שכנא" — האָט קוואַסמאַן איהם בערוהיגט מיט אַ איבערגעריסענער שטימע, און די איבריגע ווערטער וואָס ער האָט געהאַט אָנגעגרייט צו זאָגען זיינען איהם געבליעבען שטעקען אין האַלז.

שכנא האָט איהם אויסגעפרעגט וועגען די „מאָגעדזשעס" וועגען די אָבצאָהלונגען און קוואַסמאַן האָט געמוזט שטאַרק אָנשטרענגען די געדאַנקען איהם צו ענטפערן צו דער זאַך, זיינע געדאַנקען זיינען געווען ווייט פון מאָגעדזשעס און אָבצאָהלונגען, ער האָט געטראַכט וואָס פאַר אַ פּאַסקודנע וועלט עס איז, וואָסער אַ פּאַסקודנער, עקעלהאַפטער געוויסענלאָזער מענש ער איז, מילא, מעהר געלד וועט ער שוין נישט לאָזען שכנא'ן אַוועקגעבען. אָבער דער הונדערטער! אַרויסגעריסען ביי אַזאַ אומגליקליכען אַרבייטער הונדערט בלוטיגע דאָלאַר — און ער האָט פון זיי אין גאַנצען צוויי און צוואַנציג!... נעבאַי וואָלט ער געוועןגעזאָגט שכנא'ן ביי דער לעצטער מינוט: „גוטער ברודער! איך בעשווינדעל דיך, איך בין געטריעבען דערצו ווייל מיין ווייב און קינדער געהען אויס פון הונגער, בלוטיגע הונדערטערס וויל איך ביי דיר אַרויסרייסען, צוליעב פיער און פערציג דאָלאַר קאָמישאָן. העלף מיר אויס מיט עטליכע דאָלאַר און ראַטעווע דיין בלוטיגע געלד." דער אומגליקליכער שכנא וואָלט דאָך איהם געווען אַרומגענאַפּט און געקושט...

מיט דיא געדאַנקען איז ער צוגעקומען צו זיין הויז. ער האָט נישט געדענקט וויא אַזוי ער האָט זיך מיט שכנא'ן געזעגענט, און ווען ער איז אַרויפגעלאָפען דיא שטיעגען האָט זיך איהם אויסגעוויעזען, אַז שכנא'ס הייזעריג קול שרייט איהם נאָך „מערדער!... מערדער!..."

אַ ערך פון צעהן מינוט האָט קוואַסמאַן אַרומגעשפּאַנט וויא אַ משוגענער אין פינסטערן זאַאַל, און ביי איהם אין מח איז איבערגעפלויגען אַלעס וואָס ער האָט איבערגעלעבט און איבערגעשווינדעלט היינטיגען טאָג. דיא שרעק און געפאַהר אויסברענגענדיג דעם פאַלשען האַלבען דאָלאַר, זיין ווילד לויפען איבער דיא גאַסען און וואָס עס וואָלט געווען ווען דיא אידענע וואָלט איהם נאָכגעלאָפען, און וועמען האָט ער בעשווינדעלט? אַן אַלטע, האַלב־בלינדע פרוי מיט אַזאַ דימענטענע געזיכט.... דאַן שכנא!... ער האָט איהם איצט געזעהן ווי ער איז געשטאַנען און אויסגעצעהלט דאָס געלד. דאַר און הויך, דאָס געזיכט בלאַס גאָר וויא ביי אַ מת און דיא הענד און דיא ליפּען האָבען געציטערט, אַז שכנא וועט געוואָהר ווערען, אַז ער איז בעשווינדעלט געוואָרען, האָט קוואַסמאַן געטראַכט, וועט ער קראַנק ווערין... אָדער ער וועט גאָר קומען צולויפען צו איהם מיט אַ מעססער און איהם שטעכען, אַזאַ מענש קען עס טהון, און ער וועט זיין גערעכט... „און וויי איז מיר!" האָט קוואַסמאַן אויסגערופען מיט אַ דערשטיקט קול און זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ — „וויעפיעל האָט מיר ־ען געפעהלט איך זאָל מאַכען פיער און זיין דער מערדער פון צעהנדליגע נפשות?..."

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ שטראָם טרעהרען האָט איהם אַ שפּאַר געטהאָן צו דיא אויגען און זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך אָנגעהויבען טרייסלען. עטליכע מינוט האָט ער געכליפּעט וויא אַ קליין קינד, דאַן האָט זיך אַרויסגעריסען פון דער טיעפעניש פון זיין פערוואונדעטער נשמה: „רבונו של עולם! וואָס וויל איך דען אין גאַנצען?" אַ שטיקעל ברויט... אַ שטיקעל ברויט פאַר מיינע קינדערליך..."

מיין קישעלע.

איך האָב אנ'אלטע קישעלע, —
א קישעלע גאָר קליין,
איז זי פון טרעהרען אויסגעווייקט,
פון טרעהרען און געוויין.

עס איז מיין מוטער — אלט און קראנק,
אין אָרימקייט געדריקט —
געזעסען לאנגע ווינטער־נעכט,
דיא פעדערן געפליקט.

און שטיל באוויינט דיא עלענדקייט,
באקלאגט די שוועהרע נויט,
און טרעהרען אויף מיין קישעלע
פערגאָסען שטילער)הייט...

און ווען אונז האָט געצוואונגען שוועהר
דער הונגער, נויט און פיין, —
צום וואָכערניק מיין קישעלע
פלעגט דאן געטראָגען זיין.

און האלטענדיג די קישעלע
און שטעהענדיג פערשעהמט
ביי'ם מלוה'ס טיהר געבויגענדיג,
פערוועהטאגט און פערקלעמט, —

האָט וויינענדיג מיין מוטער דאן
דיא קישעלע פערזעצט;
באגאָסען זיך מיט טרעהרען, בלוט, —
דיא קישעלע גענעטצט....

מיין מזל האָט מיך ווייט פעריאָגט,
פערוואָגעלט פון מיין היים;
מיך אויסגעריסען ווי א ווינד —
א יונגע, שוואכע בוים.

איך האָב געזעגענט זיך מיט אלין,
וואָס איז מיר ליעב און טריי,
און האלטענדיג מיין קישעלע
האָב איך געוויינט דערביי.

עס האָט מיין מוטער מיך געהאלזט,
דיא קאָפּ צום ברוסט גענייגט;
מיר האָבען ביידע שטיל געוויינט, —
דיא קישעלע געווייקט.

און איצטער ווייט, אָה, ווייט פעריאָגט
אין עלענד, פרעמד אליין,
איצט מאך איך נאס מיין קישעלע
פון טרעהרען און געוויין....

אין עלענד אויף מיין קישעלע,
געטוליעט זיך צו איהר, —
פערגים איך טרעהרען זודיגע,
אוי טרעהרען אָן א שיעור.

פון טרעהרען איז מיין קישעלע
געוואָרען נאס און שוועהר,
איך קען אויף איהר ניט שלאָפען שוין
איך קען ניט שלאָפען מעהר.

יוסף טונקעל.

פאלקסליעד.

פליהט פערביי א ווינטעלע,
אטהעמט אזוי זיס.
פון וואנען קומסטו ווינטעלע?
ברייגגסטו מיר א גרוס?

— „פון מיין ליעבע מיידעלע
אין שטעדטעלע ביים ים.“ — —
איז איהר לעבען צוקער־זיס?
איז איהר לעבען סם?

שפרינגט זיא אין דעם הויף ארום,
לוסטיג און זיא לאכט?
אָדער זיצט זיא טרויעריג,
חלומדיג־פערטראכט?

פליהט פערביי א ווינטעלע,
אטהעמט אזוי זיס.
זאָג מיר ליבער ווינטעלע,
טראָגסטו מיר א גרוס?...

יואל סלאָנים.

דוד פינסקי.

נייע צייטען, נייע ליעדער“..... אז וואויל איז צו דעם דיכטער, וואָס זינגט זיינע ליעדער דאמאלס, ווען עס קומט אָן אַ נייע צייט פאר זיין פאָלק, דאמאלס ווען „דער אייז ברעכט זיך“, ווען אין דער לופטען הערען זיך נייע קלאַנגען, ווען דאָס אַלטע לעבען ברעקעלט זיך אָב און דאָס נייע לעבען פאַנגט זיך אָן צו בעציהען מיט הויט און אָדערן און אָנצונעהמען אַ בעשטימטע צורה. אַזאַ דיכטער מוז מען בעמערקען, אפילו ווען זיינע פארבען זיינען אביסעל צו בלייך און זיין שאַפונגס־קראַפט אביסעל צו קאַלט. אַזאַ דיכטער מוז מאַכען אַ טיעפען רושם אויפן פאָלק און אויף זיין ליטעראטור. פאר דאָס שטומע פאָלק איז ער דער מליץ; פאר דער ליטעראַטור איז ער וויא אַ שטורם־גלאָק, וועלכער קלינגט אַ טרעוואָגע און זאָגט אָן וואָס עס איז געשעהן און וואָס עס איז צו טהאָן.

אַזוי וויא אַ גרויסע, פול־ברוסטיגע כוואַליע, אַזוי טראָגט דיא נייע עפּאָכע אַזאַ דיכטער ארויס ביז צום העכסטען בויגע פון עפענטליכען לעבען. די נייע מענשען וועלכע ער פיהרט ארויס אויף דעם געזעלשאפטליכען מארק הייבען איהם אויף אויף זייערע פּלייצעס.

דוד פינסקי האָט ווייט, ווייט ניט דיא וואונדערבארע כחות פון י. ל. פּרץ. ער האָט ניט זיין שטארקע שילדערונגס־קראַפט, ניט זיין טיעפע פּסיכאָלאָגיע, ניט זיין וויטען, ברייטען פילאָזאָפישען בליק, ניט זיין זעלטענעם טאַקט, און ניט זיין שארפע, געשליפענע שפּראך. און דאָך איז פינסקי זעהר גוט בעוואוסט דעם אידישען פאָלק, דיא אידישע ארבייטער מאַסען.

דאָס איז דערפאר ווייל אין דער צייט וואָס פרץ האָט געשריבען פון אַן אָבגעשטאָרבענער אידישער קולטור, פון אַ פערלאָשענעם גלויבען, פון אַ לאַנג פערקלונגענער חסיד׳ישער התלהבות, האָט פינסקי געשריבען פון דיא לעצטע געשעהעניסען אין דיא 90טער יאהרען, פון אַ פרישאויפשאַלענדע התלהבות צווישען אידישע קבצנים. ער האָט געזעהען וויא דיא נייע צייט רופט ארויס נייע מענשען ביים אידישען פאָלק. ער האָט ענטדעקט דעם ניי־ארויסוואַקסענדען אידישען בורזשוא און דעם אידישען פּראָלעטאַריער. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אויפן אידישען לעבען, אויף דיא טראַגעדיעס פון דיא עלטערן און קינדער, אויף דיא מענשליכע אינסטינקטען פון פאָלק, געוואָרפען אַ סאָציאַליסטישען ניכטערען בליק.

אין פינסקי׳ס סקיצען לייענען מיר דיא פאָרגעשיכטע פון דער גרויסער אידישער ארבייטער פארטיי אין רוסלאַנד.

און ווען מיר נעהמען אָן דיזע מיינונג וועגען פינסקי׳ן, אַזוי ווערט אונז גרינג צו פערשטעהען דעם גייסט, וואָס שוועבט ניט נאָר איבער איינינע פון זיינע סקיצען, נאָר אויך איבער כמעט זיין גאַנצען ווירקען, אויף אַזוי ווייט לכל הפּחות, וויא ער דריקט זיך אויס אין דעם פאָרליגענדען ביכעל. עס ווערט אונז דורך דעם אויך גרינג ארויסצוזעהען זיינע מעלות און חסרונות.

.1

פינסקי׳ס אידישער בורזשוא איז גאָר אַן אַנדער מין בעשעפעניש, אַ בריה לעצמה. ער קומט ניט אריין אין דעם כלל בורזשוא, ווייל ער איז דאָך גאָר אַ נייער, ערשט פון נאָדעל ארויס. ערשט נעכטען איז ער אַליין געווען אַן ארבייטער, אָדער ער האָט אין בעסטען פאַל אַליין געארבייט ביי זיין אייגענעם ווארשטאַטעל. אַזאַ חברה־מאַן איז נאָך צו אַלע זיינע מעלות גלאַט אַ מזוהם, פול מיט קליינליכע נגישות און רשעות. פינסקי׳ס אידישער בורזשוא איז נאָך דערצו אַ קליין־שטעטעלדיגער ליטווישער בעל הבית׳ל און דאָס לייגט איהם אוועק נאָך אַ בעזונדערן שטעמפּעל אויף זיין פּנים.

ער האָט גרוים הנאה דערפון, וואָס ער קען זיין אויבערשטער אריינברייינגען אין בזיונות (דער פּאדריאַטשיק פון מצה אין „אָן אָנהייב“) און ער גלויבט, אָדער ער מאכט אַזוי דעם אָנשטעל, אז ער דאַרף זיין דעם ארבייטער׳ס רבי, איהם מורה דרך זיין (דער „גרויסער מענשען פריינד“) ער האָלט זיך נאָך דערוויל אָן דעם כל ישראל חברים און אין אַ שמחת תורה ווען דיא הארץ איז איהם פול מיט גליק און זעלבסט־בעוואוסטע מאכט, ווערט איהם זאָגאָר אָנשטעהן צו הוליען מיט משרתים („דער פרעהליכער גביר“). אָבער דאַן האָט ער אַ בעזונדער הנאה דערפון וואָס ער קאָמאַנדעוועט איבער זיי ביי דיא הוליאַנקעס, וואָס ער איז דיקעוועט זיך איבער זיי,

---

*) דוד פינסקי׳ס ערצעהלונגען, ערשטער באנד, פערלאַג פון אינטערנעישאָנאל פּאָבלישינג קאָמפּאני.

וואָס זיי ווייסען וויא ווייט ער שטעהט העכער פון זיי און אז דערמיט וואָס ער טאַנצט מיט זיי מאכט ער זיי גליקליך. אזוי זעהען מיר, וויא דער „פרעהליכער גביר“ ווייזט אַרויס זיין שמחת תורה דערמיט וואָס ער צופּט זיין אַלטען משרת פאר׳ן באָרד, רופט איהם „שייגעץ“ און הייסט איהם שטעהן „אויפן קאָפּ“.

דער טיפּ פון דעם בורזשואַ איז נאָך דאָ ניט אין גאַנצען אויסגעשניצט. ער שניידט זיך ערשט אויס. ער איז דער ניי־מאָדנער בעל־טאַקסע און שטאָדט־פּערזאָרגער. דאָס איז אבראַמאָוויטשעס „שיינער איד“ אין וועלכען אָבער עס שלאָגט שוין א גליעד פון דעם היינט־וועלטיגען פאַבריקאַנט, און אין דעם הינזיכט, דאַרף פּינסקי שטעהן אין דער אידישער ליטעראַטור נאָהענט צו אבראַמאָוויטשען, ווייל ער האָט פּאָרטגעזעצט יענעמס אַרבייט, ווייל ער האָט יענעמ׳ס „שטאָט בעלי טובות“ ארויסגעפיהרט פון קהל שטיבעל און פון דער הבירה שטיבעל און אַוועקגעשטעלט זיי אין וואַרשטאַט אָדער אין קראָם.

פּינסקי׳ס אידישער בורזשואַ איז אַ פּאַר־איבערגעהענדער מענשיל. עס וועט אַוועק אַביסעל צייט און פון דעם קליינעם איינבינדער בעל הבית אָדער פון דעם פּאדריאַטשיק פון מצה באַקען וועט ווערן אַ עכטער פאַבריקאַנט. און דאַן וועט פון דיא קליינע נגישות ווערן גרויסע.

פּינסקי האָט דערכאַפּט דעם אידישען בורזשואַ אין מיטען פון זיין ווערן. זיין אויג האָט זיך אויף איהם אָבגעשטעלט, פּונקט אין דעם מאָמענט איידער עס האָט זיך אויף איהם אָנגעצויגען אַן אלגעמיין אייראָפּעאישע בורזשואַזיע הויט און דאָס מאכט מעהרערע פון פּינסקי׳ס סקיצען פאַר אַ וויכטיגען ביטראַג צו אידישע קונסט און אידישע קולטור־געשיכטע.

פּינסקי איז אָבער ניט בלויז אַ מאַהלער וואָס זוכט אָפּ נייע טיפּען. ער איז אויך אַ סאָציאַליסט, אַ סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדיסט, אַ פּרעדיגער און דאָס שטערט איהם גאַניץ אָפט אויפצוהאַלטען דיא דיכטערישע רוהיגקייט און אונפּאַרטייליכקייט. דאָס צווינגט איהם אַמאָל אַוועקצולייגען אָן אַ זייט דעם מאַהלענדען פּענזיל און אַריינגעהמען אין האַנד דיא פּען פון דעם סאָציאַליסטישען בראָשורען שרייבער. און עס איז איבריג צו זאָגען, אַז דאָס פּערביליגט זיין קונסט. עס קומט עפּעס אָפּט ארויס, אַז דיא אידיישע אַרבייט־געבער זיינען ניט קיין מענשען און ניט קיין אידען.

מאַנכעס מאָל נעהמט פּינסקי גאָר אָבער דיא ראָללע פון אַן אפּיקורסישען און סאָציאַליסטישען רעדנער. אזוי צ. ב., שילדערענדיג דעם „קלויזניק“, וועלכער געהט אין מקוה אום צו קריגען דעם רוח הנבואה, געפינט פּינסקי פאַר נויטהיג מודיע צו זיין, אַז פון דער מקוה שטינקט דאָך גאָר. היינט פאַר א אַ טהרות שטעקט אין איהר?

.2

צוזאַמען מיט דעם געבורט פון דעם אידישען בורזשואַ ווערט אויך געבאָרען ביים אידישען ארבייטער דער געפיהל פון קלאַסען אונטערשיעד, דער קלאַסען אינסטינקט.

און פון דעם אונבעשטימטען קלאַסען־אינסטינקט ארבייט זיך מיט דער צייט אויס דער קלאַסען בעוואוסטער פּראָלעטאַריער, דער ארבייטער וואָס איז פולל מיט צאָרן און רציחה געגען דיא אויסבייטער, וועלכער פיהלט דעם אַרבייטער׳ס רעכט אויף אַלץ און וועלכער דורשט נאָך אויפקלעהרונג. פון אַלע פינסטערע מוחות אין דער שטאָדט, וואו „רב שלמה“ וויל איינפיהרען דיא רעפאָרמעס אין דער תלמוד תורה, זיינען דעם איינבינדער׳ס פּועלים דיא איינציגע, וועלכע הערען זיך צו צו זיינע מעשות. זיי זיינען אויך די איינציגע פון דער מאַססע, וועלכע קומען איהם מבקר חולה זיין אָהן פּניות. דער „משוגענער“ („אין דעם משוגעים הויז“) וואַרפט זיך אַרויף מיט רציחה אויפן „ריאַדטשיק“ און טויטעט איהם שיער ניט, דערפאר וואָס ער וויל ניט געבען קיין געלד אויף צו היילען דעם געפאַלענעם טרעגער.

.3

ניט נאָר אין בעצוג אויף ארבייטער און בעל הבתים ענדערט דער סאָציאַליזמוס דעם בליק פון דעם מענשען, נאָר אויך אויף דעם גאַנצען לעבען בכלל. דוד פּינסקי איז, וויא געזאָגט, צום טהייל אַ פּאָרטזעצונג פון שלום יעקב אַבראַמאָוויטש. יענער שטעלט פאָר דיא אידישע בעל בלאכות, וויא זיי ליידען פון דיא „שעהנע בעל הבתים“ דורך דער קאראבקע, למשל, און דער וויזט וויא דיא אייגענע בעל מלאכות, אָדער ריכטיגער זייערע קינדער, דיא ארבייטער, ליידען פון דיא אייגענע „שעהנע בעל הבתים“ אין דער געשטאַלט פון ארבייטס־געבער. פּינסקי איז אויך ביז אַ געוויסען גראַד אַ פּאָרטזעצונג פון דיא עלטערע משכילים. זיין „רב שלמה“, מיט דיא פּערפאָלגונגען וועלכע ער שטעהט אויס פון דיא שטאָדט־לייט פאר דיא גוטעס וואָס ער וויל מיט זיי טהאָן, פאר דעם אמת וואָס ער וויל לערנען זייערע קינדער, דערמאָנט ווירקליך אָן דיא העלדען פון דיא השכלה־ביכלעך, וועלכע ווערן אריינגעלייגט אין חרם פאר דיא רעפאָרמען וואָס זיי ווילען איינפיהרען אין דיא אידישע שטעדט. („רב שלמה“ דערמאָהנט אויך אויף דיא אַלטע השכלה ביכלעך מיט דעם

דען־טאָן, וואָס קלינגט צייטענווייז אין דער ער־ציילונג און מיט דעם העלד'ס מעלאָדראַטישען טויט).

אָבער דאָס איז נאָר ביז אַ געוויסען גראַד. פּינסקי'ס בליק אויפן לעבען איז אַ גאַנץ נייער אין דער יידישער ליטעראַטור. דיא טראַגעדיעס צווישען עלטערן און קינדער און צווישען „אַל־טע" און „יונגע" בכלל קומען שוין ניט אַרויס צוליעב קליינינגקייטען וויא אַמאָהל (צוליעב דעם אַ שטייגער, צו מען זאָל זיך נוהג זיין ווי „דער רמ"א" אָדער וויא דער „בית יוסף", וויא ברו־דעם, למשל, שטעלט פאַר אין דעם „הדת והחיים") נאָר צוליעב פּרינציפּען. היינט איז שוין ניט דיא פראַגע וויא מען זאָל גלויבען, נאָר צו זאָל מען איבערהויפּט גלויבען אָדער ניט גלוי־בען?

אין „אַלטינקע" ווערט פאָרגעשטעלט וויא אַזוי אידען הוליען אום שמחת תורה. זייער פרייד איז אַן אמת'ע, אַ האַרציגע. אָבער פּינ־סקי'ס יונגע לייט קענען דאָס ניט צוקוקען און זיי פערלאָזען דעם צימער. דיא „אַלטינקע" פערשטעהען, אַז יענע געהען פון זיי אַוועק מיט אַלעמען און דאָס קריינקט זיי אונגעהייער און דערוועקט זייער פאַנאַטישען גרימצאָרן.

צוליעב אַזאַ קליינינגקייט וויא טובל זיין כלים ערב פסח, פון וועלכע קיינער וואָלט ניט ליידען, קומט ביי פּינסקי'ן (אין דיא פּראַכטפאָ־לע, מערקווירדיגע „צוויי וועלטען") פאָר אַ שרעקליכע טראַגעדיע. אָדער אָט איז פּינסקי'ס בליק אויף יום כפור. דיא משכילים האָבען גע־האַט אַ שוואַכקייט פאַר דעם „שרעק־ליכען" טאָג. פּינסקי אָבער בעשרייבט דעם יום כפור („יום כפור דאַוונער") מיט אַזאַ מין קאַלטבלוטיגען נאַטוראַליזמוס, מיט אַזאַ מין גרויזאַמען זאָלאַישען אַנאַליז, אַז אַן עלטערן שרייבער וואָלט דערפון איינפאַך געשווידערט. לעזענדיג דיזע אויסגעצייכענטע, עכט־פּסיכאָלאָ־גישע סקיצע, זעהט מען וויא דער פּינסקי פון אַמאָל איז אייגענטליך דער זעלבער פּינסקי וואָס האָט אָנגעשריבען דיא „פאַמיליע צבי", סאַי דאָ און סאַי דאָרטען קלינגט עס הויך און שאַרף „דער יודענטהום איז טויט! דער יודענ־טהום אַלס רעליגיאָן און אידעאַל לעבט שוין ניט מעהר. ער לעבט נאָר אָדער אַלס אַלטע, געוואָהנ־הייט אָדער אַלס גראָבער עגאָאיזמוס"!

.4

אויף דיא פערגעניגענס פון דער וועלט, די תענוגי עולם הזה בעקומען גאָר אַן אַנדער ווערטה אין דיא אויגען פון דעם סאָציאַליסטישען שריי־בער, און צווישען זיי אויף דיא „זינדיגע" ליעבע.

דיא ליעבע פערנעהמט זעהר אַ וויכטיגען פּלאַץ אין פּינסקי'ס איצטיגען ביכעל. און דאָס איז טאַקע אַ ליעבע פון פלייש און בלוט, ניט קיין ראָמאַנטישע פערגעטערונג פון דער פרוי, ניט קיין בעוואונדערן איהר פון וויטען און שעפּען הייליגע בעגייסטערונג. דער הויפּט איז דיא ליעבע דיא לעבענס־זאַפט פון דיא מייד־לעך. זיי ווערן פריהער ענטוויקעלט, זיי זיינען וויניגער אַריינגעטהאָן אין הימעלשע זאַכען. הינדע, דיא שטילע, עהרליכע יתומה וואָס האָ־דעוועט זיך ביי לייבקע'ס עלטערן („ערוואַכונג") וועט אפשר קיינמאָהל אין לעבען ניט אויסזאָ־גען אַז זיא האָט לייבקע'ן האָלט, אָבער זיא פּוצט זיך און מאַטערט זיך מיט אַלע קרעפטען צוצוציהען זיין אויפמערקזאַמקייט און ווייזען איהם, אַז זיא איז שעהן. ווען לייבקע בעמערקט זיא ענדליך, ווערט ער געטראָפען וויא פון אַ בליץ.

חנה'לע (פון דעם „ערד גייסט") פאַרבעט איהר חתן צו זיך אין סאָד אויף אַ גאַנצע שבועות־נאַכט, כלומרשט אום אָבצוּוואַרטען ביז דער הימעל וועט זיך שפּאַלטען. דער בילד וואָס ווערט דאָרט געשילדערט איז אַזוי בעצוי־בערנד און דיא ליעבעס־אידיליע אַזוי זיס, אַז ווען פּינסקי וואָלט דאָ ניט געזוכט אַריינצו־ברייגען דעם אונגויטיגען סימבאָליזמוס פון דעם „ערד גייסט" וואָלט מען געקענט מיינען, אַז דאָס איז אַ צווייטער טהייל פון פּרץ'ס „דאָס גליק אין קעלער שטוב".

נאָך מעהר „עזות" אָבער פון הינדע'ן מיט חנה'לען ווייזט אַרויס דעם שוסטערס מיידעל (אין „דאָס מיידעל ביים ארון קודש"). זיא פאַלט צו צום ארון קודש און „רייסט אויף דיא הימ־לען" — ווייסט איהר פאַר וועמען? — פאַר איהר פערבאָטענעם געליעבטען. און די „עזות" איז אַזוי גרויס, אַז לייבע דער בטלן „דער קהל־שער טאַטע מיט דיא אייטערנדיגע אויגען" טרייבט זיא אַרויס פון שוהל און אַלע גיבען איהם גערעכט. אָבער ניט נאָר דיא דאַוונערס און משניות לערנער אַליין זיינען עס אַזוי אי־בערראַשט פון דעם העזה'דיגען איינפאַל צוצו־פאַלען צום אַרון קודש פאַר אַ „פּאַלובאָיניק". פיעלע שרייבער וועלען דאָס אויך בעטראַכטען פאַר אַ זעלטענע נייעס. ביי פּינסקי'ס אידישע קינדער איז אָבער דיא ליעבע אַזאַ וויכטיגע זאַך אין לעבען און זיא האָט ביי זיי אַזעלכע אונ־צווייפעלהאַפטע רעכטע, אַז ביי איהם קומט דאָס פאָר אַלס גאַנץ נאַטירליך.

י. ענטין.

(שלוס פאָלגט).

דער וועלט בנין.

(אַלטע און נייע טהעאָריען.)

פון פּראָפ. יוליוס פראנק.

איינער פון דיא לעצטע און העכסטע צוועקען פון דער אסטראָנאָמיע איז צו קענען ארומכאַפּען מיט'ן בליק דעם בנין פון דער גאנצער וועלט, פון וועלטאַלל. צו וועט עס אַמאָל געלינגען דיזען צוועק אין גאנצען צו דערגרייכען, דאָס איז שווער צו זאָגען. יעדענפאלס האָט דיא מענשהייט אַ דאַנק דעם טעלעסקאָפּ און דער פאָטאָגראַפישער קונסט, שוין איצט ערוואָרבען אַ סך אַ טיעפערן, אַ סך אַ וויטערן קוק אויף דעם וועלט־אַלל, וויא ווען עס איז פריהער.

שוין אין דיא עלטסטע צייטען פון דער געשיכטע האָט דיא מענשהייט געזוכט צו דערגעהען דיא סודות פון דעם וועלט־בנין. אימער־צו האָט זיא זיך געשטעלט דיא פראגע: וויא אזוי איז דיא וועלט געשאַפען געוואָרען? וואָס פאר הדרים זיינען דאָ אין דעם וועלט־בנין? ווי אזוי פארבינדען זיי זיך איינע מיט די אנדערע? וואָס פאר אַ פאָרמען האָבען זיי? פון וואָס פאר אַ מאַטעריאל זיינען זיי געמאַכט געוואָרען?

דער ענטפער אויף דער פראגע איז געווען פערשיעדען, לויט נאָך דיא קענטניסע און חכמה פון דיא פערשיעדענע יאהרהונדערטע.

גאָר אין דיא עלטסטע צייטען האָט זיך דער מענשליכער מארך, ווענדענדיג דערגעהן די סודות פון דער בריאה, זיך באַשעפטיגט מיט דעם טהייל פון דעם וועלט־אַלל, וואָס איז צו איהם געלעגען אַם נאָהענטסטען. דער ערשטער ענטפער פון דער מענשהייט מכח דעם וועלט־בנין, איז געווען געבויט בלויז אויף דעם, וואָס זיינע אויגען האָבען געזעהן. אין, פאַרשטעהט זיך, אז דער ענטפער איז געווען קינדעריש. וואָס ווייטער אָבער איז דעם מענשען'ס קוק אויפ'ן וועלט־אַלל געוואָרען אלץ גרויס־אַרטיגער און אלץ גאנצער. דער גייסטיגער בנין פון דער מענשהייט ווערט אַלץ ברייטער און אונזערע געדאנקען וועגען דעם וועלט־אַלל ווערען אַלץ מעהר בעגרינדעט אויף דעם גאנצען געדאנקען וועגען דיא גאנצקייט, דיא איינהייט פון דער נאַטור.

גאר פארצייטען האָבען זיך דיא מענשען בענוגענט מיט דער פראגע: וויא זעהט אויס די ערד און וויא זעהט אויס דער הימעל, וועלכען זיי האָבען זיך עס גאָר אַנדערש ניט געקענט פאָרשטעלען, אַלס אַ צוגאָב צו דער ערד?

אין חומש בראשית בעגעגענען מיר דיא זעלבע פאָרשטעלונג וועגען דעם וועלט־אַלל, וועלכען דיא באַבילאָנער האָבען געהאַט נאָך פאר דיא אידען און דאס איז טאַקי נאַטירליך אויך. וואָרים האָט דען אברהם ניט אויסגעוואַנדערט קיין כנען פון אור־כשדים? דיא פערפאַסער פון חומש האָבען זיך פאָרגעשטעלט דעם פנים פון דער ערד אין דער געשטאַלט פון אן אויסגעבויגענע האלבען עגול. און דער האלבער עגול פון דער ערד האָט זיך אקוראט צו געפּאַסט צו דער האַלבער עגול פון הימעל אויבען, וועלכער האָט זיא ארומגערינגעלט: געהאַלטען האָט זיך דער דעק פון דער ערד „על פי תהום,“ אויף דיא וואסערען פון דעם אָבגרונד. דער אויסגעבויגענער הימעל אויבען, ד. ה. דער פערגליווערטער „רקיע“, האָט אָבגעטהיילט דיא אויבערסטע וואַסער, וואָס איז איבער'ן הימעל פון דיא וואסער וואָס איז אונטער'ן הימעל. אין דעם „רקיע“ זיינען פאראן פענסטער. און אז

גאָט וויל געבען רעגען דער וועלט, דאַמאַלס עפענט ער זיי אויף און טרינקט דורך זיי אָן די ערד. בשעת'ן מבול האָבען זיך די פענסטער אין הימעל געעפענט גאַר אויף אַ לאַנגער צייט. אונטער דעם פּנים פון דער ערד איז געווען דער „שאול", די גרוב אָדער גיהנום, וואוהין מען פיהרט אָפּ אַלע טויטע.

די באַבּיליאָנער האָבען אַ חוץ אַלעם דעם געמיינט, אַז אויפ'ן הימעל אין מזרח זייט איז פאַראַן אַ הויכער באַרג מיט אַ הייהל אינעווייניג. באַגינען קריעכט די זונן ארויס פון הייהל און דראַפּעט זיך ארויף אויפ'ן באַרג. דאַמאַלסט האָבען מיר דעם זונען־אויפגאַנג. און אַזוי שווימט די זונן ארום איבער'ן הימעל ביז וואַנען זיא קומט אין אבענד צו פּונקט אַזאַ באַרג מיט אַ הייהל אין מערב זייט. זיא לאָזט זיך אראָפּ אין הייהל, און דאַמאַלס האָבען מיר זונען־אונטערגאַנג. אָבער דער דרויסען זייט פון דעם וועלט־אַלל איז געווען ארום און ארום ארומגערינגעלט מיט וואַסער. איין מורא'דיגער שטראָם וואַסער, אין וועלכען עס האָט זיך צונויפגעגאָסען די וואַסער פון אונטער'ן „רקיע" מיט די וואַסער פון איבער'ן „רקיע," האָט ארומגעשוויינקט דעם גאַנצען וועלט בנין.

די הינדוסען האָבען שטענדיג געהאַט פאַר די אויגען די האַלבע אינזלען פון דרום אַזיען, וועלכע הויבען אויף זייערע קעפּ פון דער ערד אַזוי וויא די בלעטער פון אַ פּלאַנצונג. דעריבער טאַקע האָבען זיך די הינדוסען פאַרגעשטעלט די ערד אין דעם געשטאַלט פון אַ לאָטאָס־בלום. זיי האָבען זיך פאַרגעשטעלט די ערד, אַז זיא שווימט ארום איבער'ן וואַסער אַזוי וויא אָט די שעהנסטע און גרעסטע פון אַלע וואַסער־ליליען. דיעזער פּאָעטיישער בילד פון דער ערד האָבען דאָס די הינדוסען גענומען פון דער הערליכער נאַטור פון זייער טראָפּישער היים.

די פּאַרצייטיגע גריעכען זיינען אָבער געווען בעקאַנט מיט אַ ים־נאַטור, מיט דער נאַטור פון זייער מיטעל־ערדישען ים. אַ בליק געבענדיג אין איין עק פון זייער וועלט, גיבראַלטאַר, וואו די שפּיצען פון שפּאַניען מיט צפון אפריקא קוקען זיך איבער, און אין דעם אַנדער עק וואו דער ים־סוף וואַשט די ברעגעס פון מצרים און גיסט זיך אריין אין גרויסען ים, האָבען זיי פאַר זיך געזעהן נאָר גלאַטע ברעגעס און אַ גרענעצלאָזען אָקעאַן. און די ערד איז טאַקע, פאַר זיי געווען אַזוי וויא אַ קייַלעכדיגער בלין, ארום און ארום געבאָדען אין אָקעאַן. האָמער אפילו דערציילט שוין אין זיין „איליאַדע" אַז דער געטליכער שמיד העפאַסטאָס האָט אויף דעם גרויסען העלד, אַכילעסעס פּאַנציער, פאַרגעשטעלט די ערד ארומגעפלייצט פון דעם אָקעאַן. און נאָך אפילו אין דעם יאָהר 600 פאַר קריסטוס האָט דער פאַרצייטיגער גריכישער פילאָזאָף טהאַלעס געמיינט אַז די ערד איז אַ מין קיילעכדיגע דעקעל וועלכע שווימט ארום איבער'ן וואַסער.

אַ גאַנץ אַנדערן בליק אויף דער ערד האָט שוין געהאַט דער אַנדער אַלט־גריעכישער פילאָזאָף אַנאַקסימאַנדראָס (געלעבט פון 611 ביז 547 פאַר קריסטוס). ער האָט אַ מאָל געוואַנדערט אַ גרויסען מהלך קיין דרום זייט און ער האָט אויפ'ן וועג בעמערקט שטערן וועלכע ער האָט פריהער קיינמאָל ניט געזעהן. ער האָט גענומען טראַכטען פון וואַנען דאָס קומט, און ער איז געקומען צום שלוס אַז די ערד איז ניט פּלאַטציג אַזוי וויא אַ גרויסער טיש, נאָר אַז זי מוז זיך משופּע'דיג, אראָפּגעהן פון צפון קיין דרום. ער האָט זיך שוין אליין פאַרגעשטעלט די ערד אַלס אַ צילינדער, וועלכער דרייט זיך אַזוי וויא איבער אַן אַקס, וועלכע ציהט זיך פון מזרח קיין מערים. דער צילינדער בעוועגט זיך פריי אין דעם דורכגעבויערטען קויל פון'ם הימעל, ווייל עס איז נימאָ קיין שום זאַך וואָס זאָל דער ערד שטויסען אין איין זייט מעהר איידער אין דעם אַנדערן.

אַנאַקסימאַנדראָסעס בליק אויף דער וועלט

אַנאַקסימאַנדראָסעס בליק אויף דעם וועלט שריטענער. פון דעם אַלטען בעגריעף פון „אויבען און אונטען" האָט זיך זיין געהירן, וויא מען זעהט, שוין אין גאַנצען בעפרייט.

אַנאַקסימענעס, אַ שפּעטערער גריכישער דענקער, האָט געלערנט, אין 556 פאַר קריסטוס, אַז די לופט טראָגט די ערד און אַז די ערד טראָגט דאָס וואַסער. ער האָט שוין, הייסט דאָס, אויך געדענקט, אַז די ערד שוועבט ארום פריי און דאָס וואַסער ציהט זיך איבעראַל פון דעם פון ים..

דאַגעגען דעם גריכיישער היסטאָריקער'ס קסענאָפאָן'ס מיינונג וועגען וועלט־אַלל איז שוין געווען אַ בעדייטענדער שריט צוריק. ער האָט אונגעפעהר אין 536 געלערנט, אַז די ערד איז אַ האַלבער עגול. איהר פּנים איז פּלאַטשיג, אָבער דערפאַר איז איהר דעק פערקיילעכדיגט. דער געוועלבטער הימעל אויבען איז דאָס די צווייטע האַלבע פון דעם גאַנצען וועלט־עגול. און וואָס עס טהוט זיך פון דרויסען פון דעם עגול אויף דעם איז נימאָ קיין ענטפער!

אַנאַקסאַגאָראַס (געלעבט פון 500 ביז 428 פאַר יעזוס) נאָך איהם האָט געמיינט אַז

דיא צירקלען פון דיא שטערן געהען איבער נאכט דורך אונטער דר'ערד. ער האט דיא שטערן אלזא בעפרייט פון זייער נאסען מארשרוט, שווימענדיג איבער'ן ים.

אבער דער בעריהמטער אלט־גריעכישער מאטהעמאטיקער פיטהאגאראס האט ענדליך געמאכט א סוף צו דיא קינדערשע פארשטעלונגען וועגען דעם וועלט־בנין. ער האט איינגעזעהן אז דיא ערד מוז זיין קיילעכדיג וויא אן עגול. אלס בעוויז האט ער אנגעגעבען דיא קיילעכדיגע געשטאלט פון דער לבנה. ער האט אויך געלערנט, אז דיא ערד מוז זיין בעוואהנט ארום און ארום. פיטהאגאראס האט אלזא דערגרייכט דיא ערשטע שטופע פון דער דערקענונג פון דער וועלט. לאנג, לאנג נאך פאר קאלומבוסען, לאנג נאך איידער עס איז געמאכט געווארען דיא ערשטע רייזע ארום דער וועלט, האט פיטהאגאראס דערקענט דיא ריכטיגע געשטאלט פון דער ערד.

ניט נאר דאס, דיא פארצייטיגע גריעכען האבען שוין אויך געמאכט דיא ערשטע טריט צו ערקענען דיא „העליאצענטישע" סיסטעם, ד. ה. אז דיא זונן איז דער צענטער, דער מיטטעלפונקט ארום וועלכען עס דרעהען זיך דיא פלאנעטען. פילאלאאס האט געלערנט אז דיא ערד און נאך אן ערד, א מין צווילינג איהרער, בעוועגען זיך ביידע מיט א מאל ארום א צענטראל קערפער. דאס איז ניט דיא זונן, נאר עפעס אן אנדער פייערדיגער קערפער. נאר געלויכטען האט עס שוואך, ווארום מען האט עס ניט געקענט זעהן. אבער דיא פילאזאפען היקעטאס, הערקלעאיטאס, עספאנטאס און איבערהויפט אריסטארכאס פון סאמאס נעהמען שוין אן אז דיא ערד בעוועגט זיך ארום דער זונן. אזוי, אבער, וויא דאס זיינען בלויז געווען השערות אהן בעווייזע, האט מען זיי באלד פערגעסען.

דעם הימעל האבען זיך דיא פארצייטיגע פארגעשטעלט אלס א קריסטאלענע, טיעף־בלויע שאלעכץ פון אן עגול. אזוי וויא גאלדענע צוועקעס זיינען אין איהר געווען דיא אונצעהליגע שטערן. דיא קריסטאלענע שאל פון הימעל האט זיך געדרעהט ארום דער ערד, מאכענדיג איהר מארשרוט אין איין טאג. אבער אזוי וויא יעדער פלאנעט בעוועגט זיך דאך קענטיג בעזונדער אין א בעזונדער גאנג, האט זיך יעדער פלאנעט, — אין דעם צאהל שוין אויך דיא לבנה און דיא זונן, וועלכע אויך איז אויך געווען גערעכענט פאר א פלאנעט — א בעזונדערן קריסטאלענעם שאלעכץ אדער ספערע, און ווען דיא ספערען בעוועגען זיך מוזען דיא פלאנעטען, נאטירליך, מיטגעהן. און אפילו היפפארכאס, דער גרעסטער אסטראנאם פון דער פארצייטיגער גריעכישער וועלט, האט אפענהערציג געזאגט, אז כאטש ער גלויבט ניט אין דיא ספערען, דאך מוז ער דיא לעהרע אננעהמען, ווייל דיא השערה גיט איהם כאטש א פונדאמענט אויף וועלכען צו מאכען ווייטערע אונטערזוכונגען.

און איהר דארפט דערפאר קיין פאראיבעל ניט האבען אויף דעם אלטען היפפארכאס, אזעלכע פעללע קומען ניט זעלטען פאר אין דער וויסענשאפט אפילו היינט אויך. דיא טהעאריע לייגט זיך טאקע ניט אויף'ן זינען, נאר מען מוז זיך אן איהר האלטען, ווייל קיין בעסערע איז נאך דערווייל ניטא און צונויפלייגען דערווייל דיא הענט און ניט מאכען קיין ווייטערע פארשונגען ווילט זיך אויך ניט.

קוקענדיג אויף געוויסע פלאנעטען אין דער צייט, ווען זיי שטעהען נאהענט פון דער ערד און אנטקעגען דער זונן, האבען דיא פארצייטיגע גריכען בעמערקט אז זיי, דיא פלאנעטען, בייטען עפעס וויא אום זייער מארשרוט און לויפען צוריק. דיזע ערשיינונג איז ניט קיין ריכטיגע. דאס איז בלויז אן אפנארונג פון דער אויג און זיא קומט דערפון וואס דיא ערד דרעהט זיך ארום. דיא פארצייטיגע גריעכען האבען אבער דאך דאס ניט פערשטאנען און דער בעריהמטער אסטראנאם פון אלעקסאנדריען, פטאלאמעאס האט אין יאהר 150 נאך קריסטוס אויסגעטראכט זעהר א שווערע און פערדרעהטע טהעאריע אום דאס צו ערקלערען. דאס איז דיא טהעאריע אז אין הימעל זיינען דא קרייזען וועלכע בעוועגען זיך. אין אנדערע קרייזען, גרעסערע פון זיי, מיט'ן מיטעלפונקט ארום דער ערד. און ארום דער ליניע וואס רינגעלט ארום דעם קרייז בעוועגט זיך עס דער פלאנעט. פאר'ן נאקעטען אויג איז אזא ערקלערונג דאמאלס געווען גענוג און אין פערלויף פון גאנצען מיטעלאלטער האט דיזע פאלשע השערה געדיענט אלס פונדאמענט אום צו בערעכענען דיא בעוועגונגען פון דיא פלאנעטען.

אין סוף פון מיטעלאלטער איז געקומען דער פוילישער גלח'ישער געלעהרטער קאפערניקוס און האט אנגעמאכט א גאנצע רעוואלוציאן אין דער אסטראנאמישער וויסענשאפט. ער האט געלערנט דיא ווערקע פון דיא גריעכישע פילאזאפען און האט דארט געטראפען דיא פערגעסענע לעהרע, אז דיא ערד בעוועגט זיך ארום דער זונן. דאס האט אין איהם אויפגעוועקט נייע מחשבות. ער האט גענומען זוכען בעווייזע פאר דיזע השערה און איז געקומען

צום שלום, אז דאָס וואָס דיא פּלאַנעטען לויפען צו געוויסע צייטען צוריק אין זייער מאַרשרוט וויא אויך דאָס וואָס עס שיינט אז דיא פּלאַנעטען דרעהען זיך אַרום קרייזען, אויך די קרייזען אַליין דרעהען זיך אין אַנדערע קרייזען דוכט זיך אונז נאָר אָפּ און עס קומט פון דער בעוועגונג פון דער ערד אַרום דער זונן. קאָפּערניקוס האָט פערשטאַנען אז דאָ האָבען מיר פאר זיך דעם זעלבען טעות, וויא דער רייזענדער וועלכער פאָהרט מיט'ן באהן און מיינט אז ניט ער מיט דער באהן בעוועגען זיך עס נאָר דיא וויערסט-סלופּעס, וועלכע דאכט זיך שפּרינגען איהם אנטקעגען און פערשווינדען הינטער איהם. און דיזע פערבלענדענעס פון דעם צוריקלויפען פון דיא פּלאַנעטען צוזאַמען מיט זייער שטענדיגע בעוועגונג אַרום דער זון מאַכט דאָס דעם איינדרוק אזוי וויא זיי וואָלטען זיך בעוועגט אין א קרייז אויף א קרייז.

אין זיין בוך „מכח דיא אַרומדרעהונג פון דעם הימלישען קרייז," וועלכער איז ערשיענען אין יאָהר 1543 און אין וועלכען ער האָט אפילו ניט זוכה געווען צו זעהען, אָבגעדרוקט, מאַהלט ער אויס א ריכטיגע בילד פון דער אויסשטעלונג פון דער פּלאַנעטען סיסטעם. אין מיטען פון דער סיסטעם אלס איהר צענטער שטעלט ער אוועק דיא זונן, און ער ווייזט אויף, אז דיא ערד איז א פּלאַנעט און יעדער פּלאַנעט איז אַן ערד, און אַז דיא אַלע פּלאַנעטען צוזאַמען דרעהען זיך אַרום דער זונן.

א דאנק קאָפּערניקוסען האָט דיא וועלט דערגרייכט דיא צווייטע שטופּע פון איהר בעקאַנטשאַפט מיט'ן הימעל.

אָבער אויך קאָפּערניקוסעס מהעאָריע איז ניט געווען פאָלקאָמען. איינציגע פּונקטען זיינען אין איהר געווען געמאַטערט. איינציגע פּלאַנעטען האָבען זיך נאָך איהר נאָך בעוועגט אַרום דער זונן אויף איין וועג, אַנדערע אויף אַן אַנדערען, אויך האָט נאָך קאָפּערניקוס אין איינציגע פעלע געמוזט האַלטען פון דער אַלטער טהעאָריע פון א קרייז אויף א קרייז.

קעפּלערען איז דאָס ניט געפעהלען געווען. זיין מוח האָט ניט געוואָלט צולאָזען קיין אונגלייכהייט צווישען דיא פּלאַנעטען. איבעראַל אין דער וועלט האָט ער געזוכט האַרמאָניע. און אין 1609 האָט ער זיך בענוצט מיט דיא בעאָבאַכטונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען איבער דיא שטערן מאַרס און האָט אויסגעפונען דעם געזעץ אז דיא פּלאַנעטען בעוועגען זיך אַרום דער זונן ניט אין דער פאָרמע פון א רעגעלמעסיגען צירקעל, נאָר גאָר אין דער פאָרמע פון דעם ניט-רעגעלמעסיגען, לענגליכען צירקעל, וועלכער הייסט „עליפּסיס" אין דער געאָמעטריע.

אין 1687 האָט ניוטאָן, דער גרעסטער אַסטראָנאָם פון אַלע צייטען, בעקאַנט זיין גרויסען געזעץ וועגען דיא אַלגעמיינע שווערקייט (גראַוויטאַציאָנס געזעץ) און דערפון איז שוין מאַטהעמאַטיש בעוויעזען געוואָרען, אז דיא פּלאַנעטען איז אָהן שום צווייפעל ריכטיג. קעפּלער'ס געזעץ וועגען דיא בעוועגונג פון

דערמיט איז שוין עררייכט געוואָרען דיא דריטע שטופּע אין דעם מענשען'ס ערקענונג פון דעם וועלט-בנין. אָבער דאָס גאַנצע מענשליכע אַסטראָנאָמישע וויסען האָט זיך נאָך אַלץ באַגרענצט אויף דער ערד, דער זונן און א טהייל פּלאַנעטען, דאָס הייסט דיא אומוואַנדערנע שטערן. וואָס איז אָבער וועגען דיא ווייטערע שטערן? וואָס איז וועגען דיא שטעהענדיגע שטערן?

וועגען דעם האָט מען נאָך אפילו נאָך ניוטאָנען גאָר וועניג געוואוסט.

(שלום פּאָלגט).

ציוניזמוס, טערריטאריאליזמוס און סאציאליזמוס

דער ציוניסטישער מארקסיזמוס.

V

וויא האלט עס מיט דיא „טהעאָריע" פון דיא סאָציאליסטען טערריטאָריאליסטען?

זיי בעהויפטען צו זיין שטרענגע מארקסיסטען, און זייער לעהרע בויען זיי נור אויף דעם מאקסיזמוס. פרובירט זיי זאָגען, אז זייער מארקסיזמוס הינקט אביכעל צו, וועלען זיי אייך מיט שטיינער פערווארפען. זייער לעהרע מוז דערפאר אויסהאלטען א מארקסיסטישען עקזאַמען, נעמט זיי אָבער אויף דעם פערהער, און איהר געפינט גלייך אויס, אז עס האלט זעהר שמאָל מיט זייער מארקסיזמוס.

דיא מארקסיסטישע לעהרע איז בעגרינדעט אויף דעם כלל, אז דיא עקאָנאָמישע פערהעלטניסע (ניט דיא „עקאָנאָמישע אומשטענדען".) זיינען דער יסוד, ארום וועלכען דיא גאנצע מענשליכע היסטאָריע דרייט זיך. מיט אנדערע ווערטער: דיא ארט און וויזע, וויא אזוי דיא מענשען פראָדוצירען און פערטהיילען צווישען זיך דיא זאכען וואָס זיינען נויטיג צום לעבען, איז דער פונדאמענט פון אלע וויכטיגע מענשליכע האנדלונגען. דאָס איז דיא פילאָזאָפיע פון מארקסיזמוס. דאָס איז צו דערזעלבער צייט זיין מעטהאָדע צו פאָרשען דיא היסטאָריע.

נאָך דעם ווי דער מארקסיזמוס האָט אוועקגעשטעלט דיעזען פרינציפ, בלייבט איהם ניט מעהר איבער וויא צו אונטערזוכען דיא עקזיסטירענדע עקאָנאָמישע פערהעלטניסע. ד. ה. אויסצופאָרשען דיא ארט און וויזע וויא אזוי דיא מענשען פראָדוצירען און פערטהיילען דיא זאכען וואָס זיינען נויטיג צום לעבען. און פאָרשענדיג דיא עקזיסטירענדע עקאָנאָמישע פערהעלטניסע, האָט דער מארקסיזמוס ענטדעקט, אז דער אופן וויא אזוי דיא סחורות ווערען פראָדוצירט און פארטהיילט היינט צו טאָג, אונטער דער קאפיטאליסטישער וועלטאָרדנונג, צוטהיילט דיא מענשען אין צוויי קלאסען, פיהרט צו קאָנצענטראציאָן פון קאפיטאל, בעשאפט א בעשטענדיגעס פראָלעטאריאט א. ז. וו.

און דאָס אלץ, צוזאמען מיט דעם קאמפף צווישען די קלאסען, פיהרט צו דיא איינפיהרונג פון א סאָציאליסטישע געזעלשאפט. דאָס איז דער מארקסיזמוס „אויף איין פוס."

דער לעזער קען גלייך איינזעהען, אז פון דאָס אלץ קען מען ניט אויס'פשט'לען, אז דיא אידען דארפען האָבען אן אייגענע טערריטאָריע. און דיא ס. ט. קענען דאָס מאקע אויך ניט. זיי ברייננגען דאָס אָבער פערטיג מיט דעם. וואָס זיי לייגען צו צום מארקיסזמוס עטוואָס. און צוליעב דעם הייבען זיי ניט אָן פון אָנהויב, נור פון סוף.

אלץ וואָס שטעהט געשריבען ביי מארקס'ן, זאָגען זיי, איז אמת; אלץ איז ריכטיג ווי גאָלד, ניט מעהר, עס איז ניט דער גאנצער אמת! צו דעם קלאסען־קאמפף קומט נאָך צו א נאציאָנען־קאמפף, ד. ה. ניט נור קעמפפט דאָס פראָלעטאריאט מיט דיא קאפיטאליסטען, נור אין אזא לאנד וויא רוסלאנד, וועלכעס איז צוזאמענגעזעצט פון פערשיעדענע פעלקער, קעמפפען אויך דיא קאפיטאליסטען פון איין נאציאָן מיט דיא

קאפיטאליסטען פון דער צווייטער, און דאס פראלעטאריאט פון איין נאציאן מיט דעם פראלעטאריאט פון דער צווייטער. און דער רעזולטאט פון דיעזען קאמפף, זאגען זיי ווייטער, איז דער, וואס דיא הערשענדע נאציאן איז אימער דער זיעגער. דיא קאפיטאליסטען פון דיא אונמערדריקטע פעלקער קענען זיך דאדורך ניט ארויפארבייטען צו ווערען קאפיטאליסטען אין ריכטיגען זינען, ד. ה. צו בעהערשען דיא גרויס אינדוסטריע, און דאס פראלעטאריאט פון דיא אונטערדריקטע פעלקער. קענען ניט ווערען קיין אמת'ע פראלעטאריער ד. ה. זיי קענען ניט נעהמען קיין אנטהייל אין דיא ריכטיגע גרויס־אינדוסטריע. זייער „טהעאריע“ איז אלזא געבויט ניט אויף דעם מארקסיזמוס נור אויף דעם וואס זיי לייגען צו צום מארקסיזמוס. אייגענטליך אויף א פעלשונג פון מארקסיזמוס.

נור מען וואלט זיי דאס נאך געקענט מוחל זיין; האבען זיי א נייעם מארקסיזמוס! וואס איז אבער דער לאגישער שלום פון דיעזען מארקסיזמוס? ווען זיי וואלטען געקענט דענקען לאגיש, וואלטען זיי געמוזט זאגען פאלגענדעס: דיא קאפיטאליסטישע פראדוקציאן פיהרט צו א קלאסען־קאמפף און צו א נאציאנען קאמפף. אין דיעזען נאציאנען קאמפף זיעגט אימער דאס הערשענדע פאלק, וואס האט אין זיין האנד דיא נאציאנאלע אינדוסטריע. דיא וואס בעלאנגען צו דיא שוואכערע נאציאנען, מוזען ארײנפאלען אין דיא רייהען פון דעם לומפען פראלעטאריאט. דאס אידישע פאלק איז אין דיעזער אומגליקליכער לאגע, עס איז א שוואכעס, אונטערדריקטעס פאלק, עס האט קיין נאציאנאלע אינדוסטריע ניט. עס איז דאדורך פערורטהיילט צום לומפען פראלעטאריאט, און קיינער קען עס ניט העלפען*).

דאס וואלט ניט געווען דיא וואהרהייט, עס וואלט ניט געווען קיין מארקסיזמוס, און עס וואלט אויך געווען פאלש וואס אנבעלאנגט צו דעם אידישען פאלק. עס וואלט אבער געווען לאגיש פון זייער אייגענעם שטאנדפונקט.

דיעזען איינציגען לאגישען שלום ציהען זיי ניט, אנשטאט דעם, כאפען זיי זיך צו דיא עמיגראציאן. דיעזער אוננארמאלער צושטאנד פון דיא אידען, זאגען זיי, טרייבט דיא אידען צו עמיגרירען, און דיא עמיגראציאן פיהרט צו דער בעדירפניס פון אן אייגענע טעריטאריע. מיר האבען אזוי ארום, א גאנץ נייע שטה, וועלכע האט מיט דעם מארקסיזמוס ניט צו טהאן, וועלכע איז נור א צוטשעפעניס צו דעם מארקסיזמוס.

דא קענען דיא ס. ט. מאכען אן איינווענדונג: זיי קענען זאגען, מיר זיינען ניט אזעלכע מארקסיסטען, מיר זאלען זיך אונטערשרייבען אויף יעדעןווארט. מיר זיינען אבער מארקסיסטען אין דעם זינען, דאס מיר ווענדען אן מארקס מעטהאדע. מיר געהען ארויס פון דעם מארקסיסטישען כלל, אז דיא עקאנאמישע פערהעלטניס זיינען דער יסוד פון דיא גאנצע מענשליכע טהעטיגקייט, און ארויסגעהענדיג פון דיעזען כלל, פארשען מיר דיא עקאנאמישע צושטענדע פון דיא אידען, און מיר געפינען אויס, אז זייער איינציגע הילפע ליעגט אין אן אייגענע טעריטאריע. דאס איז א שטיקעל טענה. דיא צרה איז נור וואס זיי ווייסען ניט וויא זיך צו בענוטצען מיט דיעזער מעטהאדע, וואס זיי פערמישען דיא בעגריפע „עקאנאמישע אומשטענדען“ און „עקאנאמישע פערהעלטניסע,“ וואס זייערע בעהויפטונגען זיינען ניט ריכטיג, און וואס זייערע שליסע זיינען דאדורך פאלש.

אב. גאלדבערג האט וויא אויף בעשטעלונג געליפערט א פרישען בעווייז צו מיינע בעהויפטונגען, אין „דאס פאלק“ פון דעם ערשטען יוני. ער שרייבט דארט אזוי:

„סאציאליזמוס, לויט דער מאטעריאליסטישער אויפפאסונג, איז א אידעאל, דיא טרעגער פון וועלכען זיינען פעראינטערעסירט, ניט אין נאמען פון יושר, מאראל און עטהיג, נאר אין נאמען פון אייגענע אינטערעסען. דיא אינטערעסען בעשאפען דעם סוביעקטיווען ווילען ביי דעם פעראינטערעסירטען קלאס אין ענדערען דיא געזעלשאפט, דער סוביעקטיווער ווילען פון דערכטייגען גאראנטירט נור דאן, דיא פערווירקליכונג פון סאציאליזם, ווען איהם ענטשפרעכט א געוויסער סכום פון אביעקטיווע קרעפטען. דיא פראדוקציאן און דיא טעכניק מוז זיין ענטוויקעלט אין א העכערע שטופע און נור דער קלאס וויעדער קען דיא געווינשטע ענדערונג מאכען, וועלכער איז בעשעפטיגט אין דער גרויס־פראדוקציאן. דאס איז דיא אורזאכע, וואס לויט דעם מארקסיזם, וועט דיא גרעסטע ראלע אין ענדערען דיא געזעלשאפט שפיעלען דער מאשין ארבייטער.“

דיא ציטאטע איז כאראקטעריסטיש פאר דעם ציוניסטישען „מארקסיזמוס“. זיא איז אבער גרונד פאלש! דאס איז ניט מארקסיזמוס, דאס

*) איך מאך דיא לעזער אויפמערקזאם אויף דיא זעהר גוטע בראשורע „פועלי־ציוניזמוס“, ארויסגעגעבען פון „בונד“. דיזער ארגומענט, וויא נאך איניגע וואס איך וועל ארויסברייגען, איז שוין װעמאכט געווארען אין דעם דערמאנטען ביכעל. איך ציטיר אבער ניט ווערטערליך 1) ווייל איך הבא געמאכט דיזע ארגומענטען זעלבסטשטענדיג, און 2) ווייל זיי קומען ביי מיר ארויס אין אנאנדער צוזאמענהאנג.

איז דער הפוך פון מארקסיזמוס. נאך דעם מארקסיזמוס, איז עס ניט דיא עקאנאמישע לאגע פון דיעזע אדער יענע קלאסע וואס וועט איינפיהרען דיא סאציאליסטישע געזעלשאפט „אין נאמען פון אייגענע אינטערעסען.“ עס איז דיא עקאנאמישע פערהעלטניסע פון דער גאנצער געזעלשאפט, דיא פערהעלטניסע, (דאס וואס דיא זאכען ווערען פראדוצירט ניט צום געברויך, נור אלס א סחורה), וועלכע פיהרען פריהער צו קאנקורענצע נאכהער צו קאנצענטראציאן פון קאפיטאל; וואס פעראורזאכען דאס בויען פון אימער בעסערע און גרעסערע מאשינען, וואס טרייבט דיא מיטעלקלאסע צו ווערען פראלעטאריער, וואס מאכט א טהייל פון דיא פראלעטאריער צו לומפען פראלעטאריער, וואס פערטהיילט דיא מענשהייט אין קלאסען, וואס בעשאפט נייע אנזיכטען איבער מאראל און יושר א. ז. וו. אט דיעזע עקאנאמישע פערהעלטניסע פיהרען צו דעם פערווירקליכונג פון סאציאליסטישען אידעאל. ווער עס פערשטעהט ניט דיעזען פונקט, דער פערשטעהט ניט דעם מארקסיזמוס, דער בויט פאלשע טהעאריען אויף דעם גרונד פון מארקסיזמוס.

דיא גאנצע, פילאזאפיע פון דיא ס. ט. בעשטעהט פון 4 פונקטען:

1) עס איז דא א נאציאנאלע אינדוסטריע;

2) ווען פערשיעדענע פעלקער וואהנען אין איין לאנד געהט אהן א קאמפף צווישען דיא פערשיעדענע נאציאנען, און אז דאס הערשענדע פאלק איז אימער דער זיעגער, אויך עקאנאמיש, ווייל דיא אינדוסטריע בעלאנגט צו דעם הערשענדען פאלק;

3) דאס פראלעטאריאט פערטהיילט זיך אין א פאזיטיוועס און אין א נעגאטיוועס, דאס פראלעטאריאט פון דעם הערשענדען פאלק איז אימער דאס פאזיטיווע, און אז דאס פראלעטאריאט פון דעם אונטערדריקטען פאלק איז פעראורטהיילט אריינצופאלען אין דיא רייהען פון דעם לומפען פראלעטאריאט, אין בעסטען פאל, קען עס נור ווערען א נעגאטיוועס פראלעטאריאט;

4) דיעזער צושטאנד פיהרט צו עמיגראציאן פון דעם אונטערדריקטען פאלק.

איך האב דיעזע 4 פונקטען אויפגעשטעלט אלס אלגעמיינע רעגעל. ווייל נור אלס אלגעמיינע רעגעלען קענען זיי האבען וועלכען עס איז זינן,

א'ן אלגעמיינע טהעאריע קען ניט האבען קיין זינען, ווען זיא קען נאר ווערען אנגעווענדעט אויף איין ספעציעלען אויסנאהם'ס פאל. ווען דיא ס. ט. בעהויפטען, אז עס איז דא א נאציאנען־קאמפף, קענען זיי דאך ניט מיינען, אז דער נאציאנען־קאמפף בעשטעהט נור אין דעם, וואס מען אונטערדריקט דיא אידען, דער כלל מוז דאך קענען אנגעווענדעט ווערען אויף אנדערע פעלקער אויך. אז ניט איז עס דאך ניט קיין טהעאריע. מיר וועלען דערפאר זעהן וויא דיזע טהעאריע האלט אויס, אנגעווענדעט אויף אנדערע אונטערדריקטע פעלקער.

פון וואנען נעהמען דיא ס. ט. דיזע טהעאריע? זיי נעהמען דאס פון דיא עקאנאמישע לאגע פון דיא אידען. זיי זעהען אז דיא אידען לעבען אין דחקות, אז זיי קענען ניט אריינקומען אין דיא גרויסע פעקטאריעס, און אז זיי עמיגרירען אין גרויסע מאסען. זיי קומען דאדורך צום שלוס, אז דיא עמיגראציאן און דער דלות קומט פון דעם וואס מען לאזט זיי ניט ארבייטען אין דיא גרויסע פעקטאריעס. אז דאס איז פאלש וועלען מיר זעהן שפעטער. געננוג איז, דאס זיי מאכען אזא פירוש. האבענדיג געמאכט דעם פירוש פרעגען זיי זיך ווייטער: ווארום לאזט מען אידען ניט אריין אין דיא גרויסע פעקטאריעס? און זיי ענטפערן ווייטער: דאס איז צוליעב דעם וואס זיי האבען ניט קיין נאציאנאלע אינדוסטריע. אין דיא נייע לענדער וועט דאך אבער דיא זאך אויך ניט זיין בעסער, בעשליסען זיי, אז אידען מוזען זוכען צו האבען אן אייגענע טעריטאריע. דיא אייגענע טעריטאריע איז דיא רפואה צו אלע מכות; אין אן אייגענע טעריטאריע, וועלען זיי קענען ארבייטען אין דיא גרעסטע פאבריקען, ביי דיא גרעסטע מאשינען, זיי וועלען קענען ווערען דאס אמת'ע פראלעטאריאט, זיי וועלען ניט דארפען עמיגרירען א. ז. וו. א. ז. וו.

דא פערהאמשעט זיך ווידער אביסעל דיא לאגיק. (זייער גאנצע צרה איז נור דיא לאגיק, דער געזונדער מענשען פערשטאנד.) אז דיא „נאציאנאלע אינדוסטריע“ פעראורזאכט מען זאל דיא אידען ניט אריינלאזען אין דיא גרויסע פעקטאריעס, אז דאס מאכט פון זיי א „נעגאטיוועס“ פראלעטאריאט, אז דאס פיהרט צו דיא אידישע עמיגראציע, לאזט זיך נאך וויא עס איז, מיט פאלשע בעווייזע און גרונדלאזע טהעאריעס אויס'פשט'לען, וויא אזוי דיעזעס אלעס פיהרט צו אן אייגענע טעררימאריע — דאס קען מען בשום אופן ניט ארויס'דריש'ענען. דאס קען נאר זיין דער רעזולטאט פון א פרומען וואונש. דאס איז אבער וואס מען רופט, בלשון מארקסיזמוס, אוטאפיסטעריי.

מיר האבען זיי אבער שוין אזוי פיעל מוחל געווען, און מיר קענען בעשטעהן דאס אויך צו פערבייגען. וואלט דאס שוין געוועזן זיי־

ער גרעסטער חטא. מיר האָבען יעצט וויכטיגערעס צו טהאָן.

6.

„נאַציאָנאַלע אינדוסטריע“ און עמיגראַציאָן.

וואָס מיינט דאָס נאַציאָנאַלע אינדוסטרי? דאָס וואָרט קען האָבען צוויי בעדייטונגען: מען קען עס פערטייטשען, אַז „נאַציאָנאַלע אינדוסטריע“ מיינט אַזאַ אינדוסטריע וואָס ווערט בעטריעבען פון אַ געוויסע נאַציאָן, און מען קען מיינען, אַז דיא אַלגעמיינע אינדוסטריע פון׳ם לאַנד ליעגט אין דיא האַנד פון דיעזע אָדער יענע נאַציאָן. דיא ס. ט. האָבען אונז ביז יעצט נאָך אפילו ניט געזאָגט, וואָס זיי מיינען מיט דיזען וואָרט. מען קען אָבער אָננעהמען פאַר זיכער, אַז זיי מיינען ניט דעם ערשטען טייטש, ווארום אין דעם זינען פון דעם ערשטען טייטש, זיינען אידען דיא איינציגע וואָס האָבען אַ נאַציאָנאַלע אינדוסטריע. דיא אינדוסטריע פון ציצית, מזוזות, ספרי תורות, טליתים, תפילין און שיר המעלות׳ן, בעלאַנגט אויסשליסליך צו אידען. אַזוי וויא דיא ס. ט. בעהויפּטען, אַז דיא אידען האָבען קיין נאַציאָנאַלע אינדוסטריע, מיינען זיי געוויס דעם צווייטען טייטש פון דעם וואָרט; זיי מיינען אַ ודאי, אַז דיא אַלגעמיינע אינדוסטרי פון דעם „רוסלענדער“ לאַנד בעלאַנגט צו דעם הערשענדען פאָלק, און אַזוי וויא דאָס הערשענדע פאָלק איז דאָס רוסישע פאָלק, איז דאַדורך אויך דיא אינדוסטריע רוסיש־נאַציאָנאַל.

אויף אַזאַ אופן האָבען דיא פּאָליאַקען, דיא פינלענדער, דיא לעטישען, דיא אַרמעניער, דיא טאַטאַרען, און אַלע אַנדערע פעלקער אין דיא רוסישע אימפּעריע קיין נאַציאָנאַלע אינדוסטריע; אויף אַזאַ אופן האָבען דיא פּאָליאַקען אין דייטשלאַנד; דיא רוטהענער, דיא טשעכען, דיא איטאַליענער און אַלע אַנדערע פעלקער אין עסטרייך, קיין נאַציאָנאַלע אינדוסטריע. דיזע אַלע פעלקער זיינען אַלזאָ פעראורטהיילט אריינצופאַלען אין דיא רייהען פון דעם לומפּען פּראָלעטאַריאַט, און וועלען ניט זיין אימשטאַנד צו נעהמען אַן אויפבויענדען אַנטהייל אין דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן. ווייל, וויא איהר ווייסט, עס געהט אָן אַ קאַמפּף צווישען דיא נאַציאָנען, און דאָס הערשענדע פאָלק איז אימער דער זיעגער.

און אַז מיר זיינען שוין געקומען אַזוי ווייט, וועלען מיר שוין מאַכען נאָך אַ טריט. דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען פון דיזע אַלע אונטערדריקטע פעלקער פיהרען צו אַ מאַסען־עמיגראַציאָן. פון דעם ערשטען יולי 1904 ביז דעם 30טען יוני 1905, למשל, זיינען אין דיא פעראייניגטע שטאַאטען אָנגעקומען 184,622 עמיגראַנטען פון רוסלאַנד. פון דיזע זיינען געווען אמת רוסישע 3278; אידען 92,388 און פון דיא אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער 88,956, ניט פיעל וויניגער וויא אידען. פון עסטרייך־אונגאַרן האָבען איינגעוואַנדערט 275,418, פון זיי זיינען געווען אידען אין גאַנצען 47.352, דייטשען אונגעפעהר 52.000, דיא איבריגע 206.066 זיינען געווען פון דיא איבריגע אונטערדריקטע פעלקער. ווען מיר בערעכענען דיא צאָהל איינוואַנדערער דיזעס יאָהר פון איניגע אונטערדריקטע פעלקער, געפינען מיר:

אידען (פון רוסלאַנד און עסטרייך)	129,910
פּאָליאַקען „ „	102,137
סלאָוואַקען	52,368

מיר קומען דערפאַר צו דיא פאָלגענדע טהעאָריע: דיא פּאָליאַקען, סלאָוואַקען א. ז. וו. האָבען קיין נאַציאָנאַלע אינדוסטריע. זיי זיינען דאַדורך געצוואונגען אויסצוואַנדערן קיין אַמעריקאַ אין גרויסע מאַססען. אין אַמעריקאַ וועט דאָך זיי אויך ניט זיין בעסער. דאָ ווערט דאָך דיא אינדוסטריע בעהערשט פון אַנדערע וואָס זיינען שוין פריהער אַהער געקומען. דאָס איינציגע מיטעל פאַר דיזע אַלע פעלקער איז אַ נייע, אַן אייגענע טערריטאָריע.

אָט וואו מיר קומען אָן, ווען מען וויל דיא סאָציאַליסטיש - טערריטאָריאַלישע „וויסענשאַפט“ מאַכען פאַר אַן אַלגעמיינע טהעאָירע. מיר פערבלאָנזשען אין אַזאַ „טערריטאָריע“ פון וועלכע עס זעהט זיך קיין שטעג און קיין וועג.

איך ווייס, דיא ס. ט. וועלען זיך אַביסעל קרימען דערביי, זיי זיינען גאָר ניט געוואָהנט צו געהן אויף אַזאַ גלייכען וועג, און וועלען זיך סטאַרען אַביסעל צו פערנעהמען אָן אַ זייט, דאָס וועט זיי אָבער ניט פיעל העלפען. פון אַ בלאָטע קען מען נור אַרויסשלעפּען איין פוס, ווען מען שטעקט אַריין נאָך טיעפער דעם צווייטען.

זיי וועלען זאָגען, דאָס איז ניט קיין פערגלייך. דיא פּאָליאַקען האָבען אין אמת׳ן זייער אייגען לאַנד מיט זייער אינדוסטריע. דיא צרה ביי זיי איז וואָס אַ פרעמדע, טיראַנישע רעגיערונג האָט פערכאַפּט זייער טערריטאָריע. בעפרייט זיי פון דיזע רעגיערונג, אַ זאַך וואָס לאָזט זיך היינטיגע צייטען ריידען, און אַלע זייערע צרות פאַלען אַוועק, ווערענד אידען זיינען אין אַן אויסנאַהם׳ס לאַגע. וואָס עס זאָל אין רוסלאַנד ניט פּאַסירען, וועלען דיא אידען אַלץ האָבען צו ליידען פון דיזעלבע צרות, איז ניט פון רוסלאַנד, וועט עס זיין פון דיא פּאָליאַקען, קיין טערריטאָריע וועלען זיי אַלץ ניט האָבען,

די אינדוסטריע וועט אליץ ניט זיין זייערע, זיי וועלען אליץ זיך מוזען ארומשלעפען אין די וועלט א. ז. וו. אזוי קענען זיי טענה'ן און, אויבערפלעכליך וועלען זיי זיין גערעכט. מיר מוזען דערפאר זייער טהעאריע אונטערזוכען פון אנאנדער שטאנדפונקט:

וואס מען זאל ניט דענקען פון נאציאנאלע אינדוסטריע, קיין מענש וועט ניט לייקענען, אז די דייטשען, ענגלענדער, איטאליענער און סקאנדינאווער האבען א נאציאנאלע אינדוסטריע. נאך די ס. ט. דארף די עמיגראציאן פון דיזע לענדער זיין זעהר קליין. וואס זאגען די ציפערען? זייט דעם יאהר 1881, ד. ה. זייט דעם יאהר וואס אידען האבען אנגעהויבען אויסצואוואנדערען אין גרויסע מאססען, זיינען אנגעקומען קיין אמעריקא:

פון דייטשלאנד	2,135,117
פון ענגלאנד	2,507,814
פון איטאליען	1,918,971
פון סקאנדינאוויען (דענ. נאר־וועגען און שוועדען)	1,319,645
צוזאממען	7,881,547

וועהרענד אידען זיינען אלע צוזאמען געקומען א קנאפער מיליאן.

אין דעם יאהר פון דעם ערשטען יולי 1904 ביז דעם 30טען יוני 1905 זיינען אנגעקומען איטאליענער 226,250
ענגלענדער (צוזאמען מיט אירישע) 137,134
אידען (פון אלע לענדער) 129,910
דייטשען (פון דייטשל. און עסטרייך) 82,360

די פעלקער מיט נאציאנאלע אינדוסטריען און מיט אייגענע טערריטאריעס האבען אלזא אהער געשיקט פיעל מעהר עמיגראנטען וויא די אידען. און, מען מוז ניט פערגעסען, אז די לעצטע יאהרען איז די עמיגראציאן פון ענגלאנד און דייטשלאנד שטארק געפאלען. עס זיינען געווען יאהרען, וויא אין 1882, ווען דייטשלאנד האט צוגעשטעלט 250,630 און ענגלאנד 179,419 אימיגראנטען. דיזע ציפערן זיינען ניט אויסגעטראכט פון קאפ, וויא די „טהעאריעס" פון די ס. ט. איהר וועט זיי געפינען אין די אפיציעלע איינוואנדערונג־רעפארטען פון די וואשינגטאנער רעגיערונג.

וואס לערנען דיעזע ציפערען? זיי לערנען אונז, אז די „נאציאנאלע אינדוסטריע" אין די אייגענע טערריטאריע האלט ניט אב די עמיגראציאן פון מיליאנען מענשען, אז דיעזע זאכען האבען קיין שייכות מיט עמיגראציאן, אז די עמיגראציאן ווערט ארויסגערופען דורך גאנץ אנדערע אורזאכען. עס איז דערפאר א סברה, אז די אידישע עמיגראציאן ווערט אויך ארויסגערופען דורך אנדערע אורזאכען, וויא דאס פעהלען פון א נאציאנאל אינדוסטרי.

א „וויסענשאפטליכער" סאציאליסט טערריטאריאליסט קען מאכען דא אן איינווענדונג, ער קען זאגען: עס איז טאקע אמת, אז די אבסאלוטע צאהל פון איטאליענער אימיגראנטען איז גרעסער וויא די אידישע. דערפאר איז אבער די רעלאטיווע צאהל, די אידישע גרעסער. מיט אנדערע ווערטער: איטאליענער זיינען טאקע געקומען מעהר וויא אידען, ווען איהר וועט אבער פערטהיילען אלע איטאליענער אימיגראנטען אויף די צאהל פון דעם גאנצען איטאליענער פאלק, און איהר וועט דאס זעלבע טהאן מיט די אידען, וועט איהר אויסגעפינען, אז דער פראצענט פון אידישע אימיגראנטען איז פיעל גרעסער, וויא פון איטאליענער. מען קען דערפון זעהן, וועלען זיי זאגען, אז אידען זיינען אין אויסנאהם'ס לאגע. א שטיקעל אמת שטעקט אין דעם. אבער „א האלבער אמת, איז ערגער וויא א גאנצער ליגען", זאגט א שפריכווארט. דאס איז אמת נור אין געוויסע יאהרען, וועהרענד אין אנדערע יאהרען איז די צאהל פון איטאליענער גרעסער, אויך רעלאטיוו, און דאס בעווייזט אויך, אז די אידישע אויסוואנדערונג איז אן אויסנאהמע פון די אויסוואנדערונג פון אלע אנדערע פעלקער, ווייל די אידישע לאגע איז אן אויסנאהם'ס לאגע. דאס איז ליידער צו אמת. אבער דער אויסנאהם איז פונקט א פערקעהרטער וויא די ס. ט. מיינען, און דער שלום איז, נאטירליך, אויך פונקט א פערקעהרטער.

אין דעם יאהר 1891 האט די רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאאטען ארויסגעשיקט א קאממיססיאן נאך אייראפא „אויסצוגעפינען די אורזאכען וואס מאכען אן א חושק איינצואוואנדערען נאך אמעריקא". דיעזע קאמיסיע האט בערייזט די וויכטיגסטע שטעדט אין אייראפא. צוויי פון זיי, וועבער און קעמפסטער, האבען אונטערזוכט די צושטענדע אין רוסלאנד. זיי האבען בעזוכט פעטערבורג, מאסקווא, מינסק, ווילנא, ביאליסטאק, גראדנא און ווארשאו, אויסער איניגע קליינע שטעדטלאך. דעם רעזולטאט פון זייערע פארשונגען, האט די רעגיערונג ארויסגעגעבען אין א בעזונדער בוך. און דיזער בעריכט איז א שוידערליכער. די ארימקייט און די פערפאלגונג, וואס זיי האבען אנגעזעהען און אנגעהערט, שרייבען זיי אין דעם בעריכט, וועלען זיי אין לעבען ניט פערגעסען. און זיי אפעלירען צו די רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאאטען זיך אנצונעהמען

פאר דיזען אומגליקליכען פאָלק אין נאָמען פון מענשליכקייט.

און וואָס איז דיא אורזאכע פון דיזען דלות? דיא קאָמיסיאָן האָט איין וואָרט פאר דיזען: „גאָווערנמענט אָפּפּרעססיאָן!“ דיא אונטערדריקונג פון דיא רעגיערונג. אלע אנדערע פעלקער וואנדערן אויס פון זייער היימאטה צו־ליעב דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען, צוליעב דיא אָרימקייט אין דער היים, און צוליעב דיא האָפנונג צו פערבעסערען דיא מאטעריעלע לאגע אין אמעריקא, טהיילווייז אויך צוליעב דיא אי־בערטריעבענע גליקען וואָס פערשיעדענע אגענ־טען פון שיפס קאָמפּאניעס, און אנדערע שווינד־לער, פערשפּרייטען, וועהרענד די אידישע אויס־וואנדערונג, קומט הויפּטזעכליך פון דיא פער־פאָלגונגען און דיא אויסנאהם'ס געזעצע געגען דיא אידען. און דאָס די עקאָנאָמישע אומשטענ־דען, הגם זיי שפּיעלען א גרויסע ראָליע ביי דיא אויסוואנדערונג, זיינען קינסטליך ארויסגערופע־ פון דיזע פערפאָלגונג, מיט דעם וואָס דיא אי־דען זיינען צוזאמענגעפּרעסט אין א בעשטימטען אָרט, מיט דעם וואָס מען האָט טויזענדער אי־דען ארויסגעטריבען פון מאָסקווא. פיעלע וואָס זיינען קיין בעלי מלאכות ניט געווען, און אויך בעלי מלאכות, וועלכע מאכען אָן אָן אוננאָרמאלע קאָנקורענציע צווישען די דאָרטיגע ארבייטער, און פון דיא ספּעציעלע אונטערדריקונג אין דיא „טשערטא“ גופא. פון די מאססע פאקטען וואָס דיא קאָממיססיע בריינגט, וויל איך נאָר אי־בערגעבען איין איינציגען: אין מינסק האָבען זיי בעגעגענט א אידישען קאָנטראקטאָר פון רע־גירונגס געביידעס (א פּאָדריאטשיק). ער האָט נאָר וואָס געהאט געמאכט א גרויסען קאָנטראקט מיט דיא רעגיערונג. אין דיזען קאָנטראקט איז געשטאנען א פונקט, אז ער טאָר ניט בעשעפ־טיגען קיינע אידישע ארבייטער, און דיא אר־בייט האָט בעדאַרפט געמאכט ווערען אין מינסק גופא. דיא קאָממיססיע זאָגט נאָך עדות, אז זיא האָט זיך איבערצייגט, אז דיא אידען אין מינסק אין געביי־פאכען, ארבייטען בעסער וויא דיא דאָרטיגע קריסטען.

דעם בעריכט ענדיגען זיי מיט דיזע ווער־טער: „אין אלע לענדער קומט דיא בעוועגונג אויסצוואוואנדערן נאָך אמעריקא כמעט אין גאנצען פון נאָרמאלע אורזאכען, אין רוסלאנד, אָבער, איז דאָס צו צושרייבען צו אורזאכען וואָס ליגען אין דער האנד פון דיא רעגיערונג“.

אלס ווייטערען בעוויז בריינגט דיא קאָמי־סיע פאָלגענדע ציפערען.

דיא איינוואנדערונג פון רוסלאנד נאָך אמעריקא איז געווען:

אין יאָהר	צאָהל איינוואנד.
1880	7,693
1881	10,518
1882	15,900
1883	7,577

דיא אויסוואנדערונג שטייגט מיט דיא פערפאָלגונג, און פאלט אזוי שנעל וויא דיא פערפאָלגונג לאָזט נאָר אביסעל נאָך. דיא אידי־שע אויסוואנדערונג הויבט זיך איבערהויפּט אָן מיט דיא ספּעציעלע אידען פערפאָלגונג. פון דעם יאָהר 1881 ביז דעם יאָהר 1890 זיינען אנגע־קומען נאָך דיא פעראייניגטע שטאאטען דורך דיא דריי הויפּט פּאָרטען ניו־יאָרק, פילאדעלפיא און באלטימאָר פון 20 ביז 25 טויזענד אידען יעהרליך. נור איניגע מאָל זיינען אנגעקומען צו 30 טויזענד אידען אין איין יאָהר. אין יאָהר 1891, נאָך דעם גירוש מאָסקווא, וואקסט דיא צאָהל אויף 69,139, אין דעם נעקסטען יאָהר פאלט עס שוין אויף 60,325. אין דיא ווייטערע יאָהרען פאלט דיא איינוואנדערונג ווידער אויף 25 ביז 30 טויזענד יעהרליך. אין דיא דריי יאָהר פון יולי 1899 ביז יוני 1902 איז דיא איינוואנדערונג דורכשניטליך 49 טויזענד יעהרליך. *) און אין דיא לעצטע דריי יאָהר איז דיא עמיגראציאָן געשטיגען נאָך פיעל העכער.

מיר זעהען דערפון דייטליך, אז דיא גרוי־סע אידישע עמיגראציאָן איז דירעקט צו צו־שרייבען צו דיא ספּעציעלע פערפאָלגונגען גע־גען אידען, און דיא נויט, וואָס איז צו גרויסען טהייל א פאָלגע פון דיזע אונטערדריקונג, וואָס

---

*) דיזע ציפערען גיבען ניט קיין ריכטיגע בילד פון דיא אידישע איינוואנדערונג. הגם, זיי ענדערן ניט דעם רעזולטאט פון מיינע אונטערזו־כונג. זיי זיינען ארויסגענומען פון דר. ארטהור רופּפּין'ס בוך „דיא יודען דער געגענווארט“, זייטע 35. (בערלין 1904) דר. רופּפּין נעהמט אָבער דיא ציפערן פון דעם: „אמעריקאנער־אידישער יאהר־בוך“ און אויף זייערע ציפערן קען מען זיך ניט פערלאָזען. וויא עס שיינט, האָבען דיא „יהודים“ א פּרינציפּ צו פערקלענערען דיא צאָהל אידען אין אמעריקא, צוליעב א בייז אויג אודאי. און זיי גיבען זיך אן עצה: אנשטאט צו געבען דיא ציפערן פון אלע אידען וואָס זיינען אָנגעקומען קיין אמע־ריקא, גיבען זיי דיא צאָהל פון דיא „דריי הויפּט פּאָרטען ניו יאָרק, פילאדעלפיא און באלטימאָר.“ אידען קומען אָבער אריין דורך אנדערע פּאָרטען אויך. דר. רופּען, עס איז אמת, דערמאָנט דעם פאקט, אז מען דארף נאָך צורעכענען דיא אידען וואָס קומען אריין דורך אנדערע פּאָרטען, וויא קענעדע. ער דענקט אָבער אז דיזע צאָהל, מוז זיין זעהר קליין. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. דער אונטער־שיעד איז זעהר א גרויסער — פון 10 ביז 15 טויזענד יעהרליך. אָבער, וויא געזאָגט, דיזע אונ־טערשיעדען ענדערט ניט דעם רעזולטאט. דיא ווײ־טערע ציפערען נעהם איך פון דיא אָפפיציעלע רע־פּאָרטען....

דיא רעגיערונג בעטרייבט צוליעב איהרע ספּעציעלע פּאָליטישע צוועקען.

נאָך דייטליכער ווייזט זיך דאָס ארויס, ווען מען פערגלייכט דיא אידישע איינוואַנדערונג פון רוסלאַנד, מיט דיא אידישע איינוואַנדערונג פון עסטרייך־אונגאַרן.

עס זיינען אריינגעקומען אין דיא פעראייניגטע שטאַאַטען:

אין יאָהר		ס"ה אידען	עסטרייך־אונג.	רוסישע.
1900	—	60,764	—	—
1901	—	58,098	13,006	37,660
1902	—	57,688	12,848	37,846
1903	—	76,203	18,759	47,689
1904	—	106,236	20,211	77,514
1905	—	129,910	17,352	92,388

דער סך הכל פון דעם אלעם איז דיעזער:

דער אָפּפיציעלער רעפּאָרט פערטהיילט די אידען נאָך די פערשיעדענע לענדער ערשט זייט 1901, איך האָב דעריבער ניט דיא ציפערן פאר 1900. דאָס אמעריקאַניש־אידישע יאהר־בוך גיט אָן דיא ציפערן פאר דיזען יאָהר פון דיא דריי הויפּט פּאָרטען:

ס"ה אידען 45,966, רוסישע — 22,045; עסטרייך־אונגארישע — 14,923.

מיר זעהען פון דעם, דאָס וועהרענד דיא אידישע עמיגראַציאָן פון עסטרייך־אונגאַרן גייט ארויף און אראָפּ אין א קליינע פּראָפּאָרציע, האלט דיא אימיגראַציע פון דיא רוסישע אידען אין איין שטייגען — נאָך דעם גראַד פון פּאָגראָמען און אנדערע פערפאָלגונגען. דאָס בעשטעטיגט דיא מיינונג פון דיא קאָממיססיע, אז דיא אידישע עמיגראַציע פון רוסלאַנד איז אוננאָרמאַל, ארויסגערופען פון די ספּעציעלע פערפאָלגונג.

גאַנץ דאָס זעלבע זעהט מען אויך ביי די רומעניישע אידען: דיא עמיגראַציע שטייגט אָדער פאלט מיט דעם שטייגען אָדער פאלען פון דיא אידען פערפאָלגונג, אין יענעם אומגליקליכען לאַנד.

דיא „טהעאָריע" פון „נאַציאָנאל־אינדוסטריע" פיהרט אונז צו דעם שלוס, אז מען מוז האָבען א נייע טערריטאָריע פאר דיא פּאָליאַקען א. ז. וו. פון דער צווייטער זייט ווידער, זעהען מיר, אז דיא „נאַציאָנאלע אינדוסטריע" מיט די אייגענע טערריטאָריע בעשיצט ניט דאָס פּראָלעטאַריאַט פון אריינצופאלען אין דיא רייהען פון דעם לומפּען־פּראָלעטאַריאַט, און פון מאַסען־עמיגראַציאָן. פון דיא דריטע זייט ווידער, זעהען מיר אז די אידישע אויסוואַנדערונג קומט ניט פון דעם, וואָס דיא אידען האָבען קיין נאַציאָנאלע אינדוסטריע.

וואו מען לעגט דעם חולה טהוט איהם אלץ וועה!

מיר וועלען נאָך דיא זאַך בעטראַכטען פון א פיערטע זייט:

פון דיא 129,910 אידען וואָס זיינען אריינגעקומען אין דיא פעראייניגטע שטאַאַטען פון דעם ערשטען יולי 1904 ביז דעם 30טען יוני 1905 זיינען געווען 60,135 געלערנטע ארבייטער („סקילד לייבאָר") וועהרענד פון דיא 226,320 איטאַליענער, וואָס זיינען אריינגעקומען פאר דיזעלבע צייט זיינען געווען געלערנטע ארבייטער בלויז 27,897. עס איז אמת, צווישען דיזע אידישע געלערנטע ארבייטער זיינען געווען 22,234 שניידער. אָבער דיא ס. ט. וועלען נאָך דארפען בעווייזען, אז שניידעריי איז ניט א טהייל פון דיא גרויס קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע.

פון דיזען ווידער לערנען מיר, אז דיא אידען פּראָלעטאַריזירען זיך, אָהן עין הרע, גאַנץ פיין, און אז דיא איטאַליענער פאלען פיעל שנעלער אריין אין דיא רייהען פון דעם לומפּען־פּראָלעטאַריאַט. און זיי האָבען דאָך א נאַציאָנאלע אינדוסטריע מיט אן אייגענע טערריטאָריע, און דיא אידען האָבען דאָס ניט.

נאָך שלימער ווערט דיא זאַך, ווען מען בערעכענט צו וואָס דיא איטאַליענער נעהמען זיך אין דיזען לאַנד. וואו מען דארף בויען א טונעל, וואו מען דארף גראָבען א קאַנאַל, וואו מען דאַרף פערשיטען אלטע פער'עפּוש'טע זומפּען, וואו מען דארף שלעפּען ציגעל און בויען פּסים מיט רעמסס, וואו מען דארף פוצען שטיוועל, וואו מען דארף ראַזירען א באָרד, אָדער אזעלכע „גרויס־אינדוסטריעלע" אונטערנעמונגען, דאָרט געפינט איהר איטאַליענער. איהר מוזט אלזאָ קומען צום שלוס, אז דיא איטאַליענער זיינען געבאָרען געוואָרען צו זיין א „נעגאַטיווער" פּראָלעטאַריאַט, אָדער אז מען מוז פאר זיי בעשאַפען א נייע טערריטאָריע, אָדער — אז דיא סאָציאליסטען טערריטאָריאליסטען, מוזען זוכען א נייע טהעאָריע.

אין נעכסטען קאפּיטעל וועלען מיר בעהאנדלען דיא פראגען וועגען דעם "נעגאַטיווען" פּראָלעטאַריאַט פון דעם אידישען פאָלק, און דאָס „פּאָזיטיווע" קאַפּיטאַל פון דעם רוסישען פאָלק.

יעקב מילך.

(פאָרטזעצונג פאָלגט).

דיא אייזענבאהנען און דיא געזעצע.

פון נחום צדק.

וועהרענד דיא אייזענבאהן קאמפאניעס האבען גענארט איינע דיא אנדערע און אין געהיים געגעבען רעבאטען צו דיא פירמען, וועלכע האבען דורך זיי געשיקט פיעל פראכט, איז דאס פאלק, הויפטזעכליך דיא פארמערס און דיא קליינע ביזנעס לייטע פון דיא וועסט, געווארען אונרוהיג וועגען דעם. צו דעם אלטען האס וואס אזא גרויסע טהייל פון פאלק האט געפיהלט געגען דיא אייזענבאהן־קאמפאניעס פאר זייערע שווינדלען אין דער צייט ווען דיא אייזענבאהנען זיינען ארגאניזירט געווארען, איז נאך צוגעקומען דער ביטערער געפיהל וואס דיא קאמפאניעס האבען יעצט ארויסגערופען דורך דעם וואס זיי האבען געפיהרט דיא פראדוקטען פון גרויסע פירמען פאר פיעל ביליגער וויא דיא פראדוקטען פון דיא קליינע ביזנעס לייטע. דיא מיוחסים ביי דיא אייזענבאהנען זיינען הויפטזעכליך געווען דיא קאפיטאליסטען פון דיא איסט, — דיזעלבע קאפיטאליסטען, וועלכע דיא פארמערס און געשעפטס־לייטע פון דיא וועסט האבען געקענט אלעם דיא רויבער און שווינדלער פון זייער פערמעגען וואס זיי האבען אריינגעלעגט אין דיא אייזענבאהנען.

אין 1873 איז געקומען דער גרויסער פינאנציעלער פאניק און אינדוסטריעלער קריזיס. דיא פרייזען פון פראדוקטען זיינען געפאלען, זא דאס דיא פערדיענסטען פון פארמער זיינען פערקלענערט געווארען. דאך האט מען אין דיא זיבעציגער יאהרען אליין פארטגעזעטצט בויען נייע אייזענבאהנען. אבער, מערקווירדיג, וואס מעהר עס זיינען צוגעקומען קאנקורירענדע ליניעס אליין א גרעסערען פראכט האט מען גענומען ביי דיא פארמערס און אליין א קלענערען ביי דיא גרויסע קאפיטאליסטען. אין זייער ערביטערונג האבען דיא פארמערס אנגעהויבען רעדען וועגען רעוואלוציאן. דיזער געפיהל איז אין גיכען אויסגעדריקט געווארען דורך דעם וואס אין דיא גאנצע וועסט האבען זיך ארגאניזירט געזעלשאפטען פון לאנד־בעזיצער וועלכע האבען אגיטירט פאר ראדיקאלע שריטע אויסצולייזען דאס פאלק פון דעם דרוק פון דער געלדמאכט. איינער פון דיא ערשטע פראקטישע רעזולטאטען פון דער „לאנד־גוט“ בעוועגונג איז געוועזן דאס וואס עטליכע סטייטס פון דיא מיטעל־וועסט האבען אנגענומען איינציגע נייע אייזענבאהן געזעצע.

די „לאנד גוט געזעצע,“ ווי זיי זיינען שפעטער געווען בעקאנט, האבען געהאט אלס הויפט צוועק צו קאנטראלירען דיא אייזענבאהן קאמפאניעס אזוי אז זיי זאלען ניט קענען פיהרען דעם גרויסען קאפיטאליסט׳ס פראדוקטען פאר ביליגער וויא דעם קליינעם געשעפטס־מאן׳ס, אדער מאכען אן אונטערשיעד אין דיא פראכט פאר גרויסע שטעדט און קלענערע. דיזעלבע אורזאכען וואס האבען געצוואונגען דיא אייזענבאהנען צו פיהרען דעם גרויסען געשעפטסמאן׳ס סחורה פאר ביליגער וויא דעם קליינעם׳ס האבען אויך געמאכט נויטהווענדיג אז זיי זאלען מאכען אן עהנליכען אונטערשיעד צווישען דיא גרויסע שטעדט און דיא קליינע. געוועהנליך קומען אריין אין יעדער גרויסער שטאדט עטליכע אדער וויינינגסטענס צוויי פערשיעדענע אייזענבאהנען. קאנקורירענדיג נאך געשעפט פיהרען די אייזענבאהנען פראדוקטען אין אזעלכע שטעדט אונטער׳ן פרייז. אזוי וויא אבער דער פערלוסט וואס זיי האבען דורך דעם מוז ערגעץ געדעקט ווערען, צווינגט מען דיא קליינע שטעדטלאך און דערפער דאס צו בעצאהלען. זיי צאהלען ניט נאר דעם געוועהנליכען פרייז, זאנדערן אויך אזוי פיעל אריבער אז עס זאל דעקען דעם שאדען וואס דיא אייזענבאהנען האבען דורך זייער פיהרען אונטער׳ן פרייז אין דיא גרויסע שטעדט. אין דיא אמעריקאנער אייזענבאהן ביזנעס איז דאס בעקאנט אלס „דער לאנגער און דער קורצער שלעפ“ פרייז, לויט וועלכען א סוחר פון א שטעדטיל וואס ליגט, לאמיר זאגען, פונקט אין מיטען צווישען שיקאגא און ניו־יארק, צאהלט פאר פיהרען דיזעלבע סחורה א גרעסערע פראכט וויא מען נעהמט פון ניו־יארק ביז שיקאגא.

דאס, אגב אורחא, איז איינע פון דיא הויפט אורזאכען וואס האבען בייגעשטייערט צו דעם וואוקס פון דיא גרויסע שטעדט אויף דעם חשבון פון דיא קליינע. וועגען אמעריקא קענען געבראכט ווערען הונדערטע פעלע וואו דיא אייזענבאהנען האבען פעראורזאכט אז שטעדט זאלען אויסוואקסען אין דיא ווילדערניכע (פאר איין גאנג געבענדיג זייערע הויפט בעלי־בתים א געלעגענהייט אנצופילען זייערע קעשענעס דורך קויפען לאנד פאר א גאר ניט,

מאכען א „בום“ און דאָס פערקויפען פאר הויכע פרייזען) און דאן דיזעלבע שטעדט אָפּגעמעקט פון דער ערד. צוערשט האָבען זיי דיא שטעדט אויפגעבויעט דורך דעם וואָס זיי האָבען אהין געפיהרט פראַכט פאר זעהר ביליג און דערנאָך זיי פערניכטעט דורך דעם וואָס זיי האָבען דיא פראַכטען אונגעהויער געהעכערט.

דיא „לאַנד־גוט“ געזעצע האָבען געציעלט אָבצושאַפען דיעזע אונגערעכטיגקייטען; אזוי וויא אָבער דיא מאכט פון א סטייט ענדיגט זיך ביי זיין גרענעץ און אלע גרויסע אייזענבאהנען געהען דורך עטליכע סטייטס, איז געוועזען אונמעגליך זיי ווירקזאם צו קאָנטראָלירען, אויסער אין קליינע פעלע, אויף וועלכע זיי האָבען געהאט דיא מאכט. *)

דאָס וואָס דיא „לאַנד־גוט“ געזעצע האָבען גאָר ניט געקענט אויפטהוען האָט געפיהרט צו אַ שטאַרקע בעוועגונג, וועלכע האָט געפאָדערט אז דער וואַשינגטאָנער קאָנגרעסס זאָל מאכען געזעטצע געגען דעם.

דיא קאָנסטיטוציאָן גיט דעם קאָנגרעסס דיא מאכט צו רעגולירען דעם האנדעל צווישען דיא סטייטס. דיא פערטרעטער פון דיא „לאַנד־גוט“ סטייטס אין קאָנגרעס האָבען דארום גענומען פאָדערען אז דער קאָנגרעס זאָל אננעהמען געזעצע צו רעגולירען דיא אייזענבאהנען. נאָך אַ קאמפף פון צוועלף יאָהר געגען דיא אייזענבאהנען און זייערע פערטרעטער אין קאָנגרעס און אין דיא קאָנגרעס „לאָביעס,“ איז ענדליך אין יאָהר 1887 אָנגענומען געוואָרען דער “צווישען־שטאַאטען האנדעלס געזעטץ.“ דער געזעטץ פערוועהרט דיא אייזענבאהנען צו נעהמען צו הויכע פרייזען פאר פיהרען סחורה און צו מאכען אַן אונטערשיעד אין דיא פראַכטען צווישען איין פירמא און א צווייטער, אָדער צווישען איין געגענד און אַ צווייטער. דער געזעץ האָט אויך בעשאַפען א צווישען־שטאַאטען האנדעלס קאָמיסיאָן, וועלכע בעשטעהט פון פינף פערזאָן, אלע בעשטימט פון דעם פרעזידענט פון לאַנד. דיזע קאָמיסיאָן דאַרף דאָס זעהן, אז דער אויבענדערמאָהנטער געזעטץ זאָל דורכגעפיהרט ווערען.

ליידער האָט ניט דאָס פאָלק און ניט זיינע פערטרעטער דיא הויפּט דעה מכח דיא געזעצע פון לאַנד. דער קאָנגרעסס פון דיא פעראייניגטע־שטאַאטען, אָדער א סטייט־לעגיסלייטשור שאַפט, און דער סופרים קאָורט שאַפט אָב. קיין געזעץ אין דיא פעראייניגטע שטאַאטען איז ניט זיכער איידער געגען איהם איז ניט געקעמפּפט געוואָרען אין סופרים קאָורט און דאָרט איז ער ניט ערקלערט געוואָרען קאָנסטיטוציאָנעל. יעדער געזעץ, מעג ער זיין וויא וויכטיג און מעג דאָס פאָלק איהם וויא בעגעהרען, קען אָפּגעשאַפט ווערען, אויב פינף פון דיא ניין ריכטער, וועלכע שטעלען צוזאמען דעם סופרים קאָורט, ערקלעהרען איהם אלס אונקאָנסטיטוציאָנעל. *) אָבער ניט נאָר קען דער קאָורט אויסמעקען א געזעץ פון געזעץ־בוך פון לאַנד, ער קען אויך דורך דיא מערקווירדיגע לאָגיק פון געזעצליך ענטשיידען געוויסענס־פראַגען, דעם געזעטץ אזוי אויסטייטשען, אז אויסער וואָס ער שטערט אין דעם ציעל, וואָס מען האָט דורך איהם געוואָלט עררייכען, בעשיצט ער אויך דיא אלע עולות וועלכע דיא געזעץ־געבער האָבען דורך איהר געוואָלט אָפּשאַפען.

דער „צווישען שטאַאטען האנדעלס געזעץ“ איז ניט קיין אויסנאַהמע. ביסלעכווייז האָט דער סופרים־קאָורט איהם אזוי אויסגעטייטשט, אז פון דיא קאָמיסיאָנערען איז צוגענומען געוואָרען יעדער ברעקעל מאכט, ביז דיא אייזענבאהנען, וועלכע זיי האָבען בעדאַרפט קאָנטרולירען, האָבען זיך פון זיי אָפען אויסגעלאַכט. ארום 10 יאָהר האָבען זיי אויסגעאיבט זייער מאכט און ווען אגעשעפטס־מאַן האָט זיך נאָר בעקלאָגט, אז דיא אייזענבאהנען נעהמען ביי איהם צו הויכע פראַכטען און זיי האָבען געפונען אז זיין קלאַגע האָט א ממשות, האָבען זיי דיא אייזענבאהנען געהייסען נעהמען קלענערע פראַכטען. אין יאָהר 1897 האָט אָבער דער סופרים קאָורט ענטשיעדען, אז דיא קאָמיסיאָן האָט גאָר ניט דיא מאכט ארויסצוגעבען אזעלכע בעפעהלע און דורך דעם איז זיא געבליעבען הילפלאָז צו זעהן אז דיא אייזענבאהנען זאָלען ניט אזוי דריקען דעם קליינעם געשעפטס־מאַן.

איין פאקט וועט געבען א קלעהרערען בעגריעף וועגען דעם ממשות פון דיא אייזענבאהן געזעצע אין דיא פעראייניגטע־שטאַאטען וויא א גאַנצער בוך דיסקוסיאָנען.

אין יאָהר 1894 האָבען דיא אייזענבאהנען, וועלכע קומען אריין אין שיקאגא, געהעכערט דיא פראַכט אויף לעבעדיגע בהמות מיט צוויי דאָלער אויף א וואַגאָן. דיא בהמות הענדלער האָבען געדענקט אז דיזער פרייז איז צו

*) זעהר וויניג איז אין פערבינדונג מיט דיזע געזעצע געטהאָן געוואָרען צו בעשיצען דיא אינטערעסען פון דיא ארבייטער, וועלכע זיינען בעשעפטיגט ביי דיא אייזענבאהנען. נאָך ביז היינטיגען טאָג זיינען זיי געצוואונגען צו ארבייטען איבער די כוחות און ווערען אויסגעשלאכטעט וויא דיא שאָף. אין קיין לאַנד, אויסער פיעלייכט רוסלאנד, איז זייער לעבען ניט אזוי הפקר וויא דאָ אין אמעריקא.

*) אזוי, צום ביישפּיעל, איז געוועזען דער פאל מיט דעם „אינקאָם טעקס“ מיט עטליכע יאָהר צוריק.

היוך און האָבען אפּעלירט צו דער „צווישענשטאאטען האנדעלס קאָמיסיאָן.“ נאָך א טיכטיגער און פאָלקאָמענער אונטערזוכונג און אויסהערענדיג ביידע צדדים, האָט דיא קאָמיסיאָן געמאכט א פּשרה — אז דיא אייזענבאהנען זאָלען העכערען בלויז איין דאָלאר אויף א וואגאָן. דיא אייזענבאהנען האָבען זיך ענטזאגט נאָכצוקומען דיזע פּשרה און אזוי וויא דיא קאָמיסיאָן האָט ניט דיא מאכט דורכצופיהרען איהרע ענטשיידונגען איז דער פאַל אריינגעגעבען געוואָרען אין דיא קארטס, עס זאָל דאָרט ענטשיעדען ווערען.

אָבוואָהל עס איז שוין זייט דאַן פּאָראיבער מעהר וויא צעהן יאָהר איז נאָך וועגען דעם קיין ענטשיידונג אליץ ניט ארויסגעגעבען געוואָרען, און דיא בהמות העגדלער צאָהלען נאָך אליץ דיא געהעכערטע צוויי דאָלער. ניט אין דעם אליין אָבער בעשטעהט דיא עולה פון דיא אייזענבאהנען. אויב דער סופרים קארט זאָל אין גיכען ארויסגעבען אַן ענטשיידונג און זיא זאָל זיין צום גונסטען פון דער קאָמיסיאָן, וועלען די אייזענבאהנען אין דער צוקונפט מוזען צוריק ארונטערנעהמען דיא געהעכערטע צוויי דאָלער; אויב דיא בהמות־הענדלער זאָלען וועלען צוריק אויפמאָהנען דיא געלד וואָס זיי האָבען אין דיא לעצטע צוועלף יאָהר איבערגעצאָהלט דיא אייזענבאהנען, וועט יעדער איינער בעזונדער דארפען אריינברענגען א קלאַגע געגען זיי, און אויסער דעם וואָס דיזע לאָדעניש וועט געדויערען יאָהרען וועט דאָס זיי וואהרשיינליך קאָסטען מעהר וויא זיי קענען אויפמאָהנען. לאָמיר אָבער צוגעבען אז זיי וועלען אויפמאָהנען אלעס — וואָס וועט דערפון האָבען דער עולם ? דיא בהמות הענדלער וועלען דאָך דיא צוריקגעוואונענע געלד ניט פערטהיילען צווישען דיא, וועלכע האָבען דיא גאנצע צייט געצאָהלט טהייערער פאר פלייש דערפאר וואָס דיא אייזענבאהנען האָבען זיי געהעכערט דיא פראַכטען. עס איז יעדענפאַלס א פאַקט אז דורך דיא אייזענבאהנען און דורך דעם פלייש־טראָסט איז דער פּרייז פון פלייש אין דיא לעצטע עטליכע יאָהרען ארויפגעשטיעגען פון פינף־און־צוואַנציג ביז פופציג פּראָצענט.

דיא קאָורטס האָבען טהאַטזעכליך צונישט געמאכט דעם געזעץ וועגען דיא פראכטען, זאָ דאָס וואָס ער האָט געזאָלט עררייכען קען ער ניט. דעם איינציגען פּונקט אין דיעזען געזעץ, וועלכען דיא קאָורטס האָבען בעשטעטיגט איז, אז דיא אייזענבאהנען זאָלען ניט טאָהרען מאכען קיין „פּולס“, אָבוואָהל עס איז כדאי צו בעמערקען, אז דיא ענטשיידונג פון סופרים־קאָורט געגען דער „טראַנס מיסורי פראכט געזעלשאפט“ אין יאָהר 1897 איז געוועזען בעגרינדעט ניט אַזוי אויף דעם „אַנטי־פּולינג“, פּונקט פון דעם צווישען־שטאַאט האנדעלס געזעץ וויא אויף דעם אנטי־טראָסט געזעץ פון יאָהר 1890.

עס פערשטעהט זיך אז דיזע ענטשיידונג האָט ניט געמאַכט קיין ענדע צו דיא פערזוכע פון דיא אייזענבאַהנען צו קאָנטראָלירען דיא פראַכטען דורך פערשטענדניכע. קיינע פון דיא „פראכט געזעלשאַפטען“, וויא מען האָט גערופען דיא פעראייניגונג פון דיא אייזענבאהנען, האָט דורך דעם ניט אויפגעהערט צו עקזיסטירען. דיא אייזענבאהן פראַכטען פון לאַנד ווערען נאָך יעצט אויך קאָנטראָלירט פון דריי געזעלשאַפטען. זיי זיינען בעקאַנט אלס 1) „אפּישאל“, וועלכע קאָנטראָלירט די געגענד נאָרטה פון די טייכען אָהייאָ און פּאטאמאק און איסט פון שיקאגא ; 2) „סאוטערען,“ וועלכע קאָנטראָלירט דיא געגענד סאוטה פון דיזע טייכען און איסט פון טייך מיסיסיפּי, און 3) „וועסטערען,“ וועלכע קאָנטראָלירט דיא גרויסע געגענד וואָס איז וועסט פון טייך מיסיסיפּי.

דיא „קלאסיפיקאַציאָנס קאָמיטע“ פון יעדע פון די אויבענדערמאָהנטע געגענדען בעשטעהט פון פערטרעטער פון דיא אייזענבאַהנען וואָס געהען דאָרט דורך. דיא קאָמיטע קלאַסיפיצירט דיא סחורות. יעדע אייזענבאַהן קען כלומר'שט נעהמען פאר פראַכט אזוי פיעל וויפיעל זיא וויל. עס איז אָבער גוט בעוואוסט אז אָבוואָהל אָפּיציעל הייסט עס אז דיא מעמבערס פון דער קאָמיטע דיסקוטירען בלויז דיא פּרייזען וואָס מען וואָלט בעדאַרפט נעהמען פאר פיהרען סחורה און האַלטען זיך צוריק צו פּאסען אַ בעשלוס וועגען דעם (ווייל דאָס איז דאָך געגען געזעץ), ענדיגט זיך אָבער אימער זייער דיסקוסיאָן דערמיט וואָס זיי קומען צו אַן איינשטימונג און דער סוף איז אז אלע אייזענבאַהנען נעהמען דיזעלבע פראַכטען.

אָבער דאָס אליין איז פאר דיא אייזענבאַהנען ניט געווען גענוג. זיי האָבען זיך ניט געקענט פערלאָזען צו קענען קאָנטראָלירען דיא פראַכטען דורך אַזעלכע שוואַכע אָבמאַכען. זיי האָבען פערשטאַנען אז פריהער אָדער שפּעטער וועלען געמאַכט ווערען אנדערע געזעטצע, שטרענגערע וויא ביז יעצט — געזעצע וועלכע וולען זיי שטערען אין זייער פרייהייט צו טהון וואָס זיי ווילען, און אלס רעזולטאט פון דיזער ערוואַרטונג האָבען דיא אייזענבאַהן־קעניגע פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען זיך גענומען צו דער ריעזיגער ארבייט צו פעראייניגען דיא גרויסע אייזענבאַהנען פון לאַנד אזוי אז זיי זאָלען געהערען צו עטליכע פינאַנציערען.

אייזענבאהן־קאָנצענטראציאָן.

דאָס קאָנצענטרירען זיך פון דיא אייזענבאהנען אין דיא הענד פון איינינגע פינאַנצירען איז איינע פון דיא וויכטיגסטע עלעמענטען אין דער יעצטיגער זאָגענאַנטער טראָסט־בעוועגונג, וועלכע בעצייכענט דיא לעצטע טעג פון דער אלטער קאָנקורענץ סיסטעם און דעם איבערגאנג צו דער סיסטעם פון פּראָדוקציאָן אויף א נאַציאָנאַלען מאסשטאב. עס וואָלט געווען א טעות צו בעטראכטען דיא פעראייניגונג פון דיא אייזענבאהנען בלויז אלס רעזולטאט פון דיא געזעצע געגען „פּולינג." עס קען גאָר קיין צווייפעל ניט זיין אז דיזע געזעצע האָבען דערצו פיעל בייגעשטייערט, אָבער דער פּראָצעס פון קאָנצענטראציאָן האָט זיך אָנגעהויבען פיעל פריהער איידער דיא אייזענבאהן געזעטצע וואָס זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען פון קאָנגרעס האָבען אָנגענומען אן ענטשיעדענע פאָרמע. וויא עס איז שוין פריהער אָנגעוויעזען געוואָרען איז דיא נאַטירליכע טענדענץ פון אייזענבאהנען זיך צו מאָנאָפּאָליזירען; אָבער וועהרענד דאָס פעראייניגען זיך פון פּאַראַלעלע קאָנקורירענדע ליניעס האָט שטאָטגעפונדען אין דיא לעצטע צעהן יאָהר, האָט זיך דאָס וואקסען פון דיא אייזענבאהן סיסטעמען אָנגעפאנגען אין מיטען פון פאָריגען יאָהר־הונדערט.

דיא ערשטע אייזענבאהן־ליניען זיינען געווען קורץ. זיי האָבען פערבונדען נעבען־בייאיגע שטעדטלעך. אין דיא פופציגער יאָהרען האָט זיך אָנגעפאנגען דיא ערשטע פעראייניגונג פון קליינע ליניען אין מעהר אָדער וויניגער גרויסע אייזענבאהן סיסטעמען. דיא „ניו יאָרק סענטראל" איז געווען דער פּיאָניער אין דיזער בעוועגונג, אונטער דער אגרעסיווער פערוואלטונג פון וואַנדערבילט, וועלכער האָט פעראייניגט עלף בעריהרענדע ליניען אין איין גרויסער אייזענבאהן, וואָס האָט פעראייניגט דיא שטאָדט ניו־יאָרק מיט באָפאלא. אויף אן עהנליכען אופן און אין דערזעלבער צייט איז פעראייניגט געוואָרען דיא מעכטיגע „פּענסילווייניא." דיזער פּראָצעס איז אָנגעגאנגען, דיא שטאַרקערע ליניעס האָבען איינגעשלונגען די שוואכערע. דאָך איז ביז אין יאָהר 1870 געווען בלויז איין ליניע וואָס איז געווען לענגער וויא טויזענד מייל. דער פּאניק פון יאָהר 1873, וועלכער האָט געבראכט אזוי פיעל אייזענבאהנען באנקראָטען, האָט נאָך לייכטער געמאכט אז די קליינע ליניעס זאָלען איינגעשלונגען ווערען פון זייערע שטאַרקערע קאָנקורענטען. אויף אזא אופן איז דיא „פּענסילווייניא" אייזענבאהן אין יאָהר 1880 געוואקסען ביז 4000 מייל, און אנדערע ליניען האָבען עהנליך אויסגעוואקסען, אָבער קיין אייזענבאהן איז ניט געווען לענגער וויא 5,000 מייל פאר דעם יאָהר 1890. דער אינדוסטריעלער און פינאַנציעלער קריזיס פון יאָהר 1893 האָט געהאט דיעזעלבע ווירקונג וויא דער קריזיס פון יאָהר 1873. עטליכע אייזענבאהנען האָבען באנקראָטירט, און זיינען איבערגעגאנגען אין דיא הענד פון „רעסיווערס," און ענדליך אריינגעפאלען צו דיא מעכטיגע אייזענבאהן־קעניגע. דיא „פּענסילווייניא" און דיא „ניו־יאָרק סענטראל" האָבען יעדע דערגרייכט ביז 10,000 מייל, אויסשטרעקענדיג זייער קאָנטראָל אויף אייזענבאהנען וואָס געהען וועסט פון שיקאגאָ.

דער וואוקס פון דיא אייזענבאהנען איז בקיצור אָנגעגעבען אין דעם בעריכט פון דער אינדוסטריעלער קאָמיסיאָן אויף פאָלגענדען אופן.

אין יאָהר 1867 איז בלויז איין ליניע געווען לענגער וויא טויזענד מייל, וואָס דאָס איז דאַן געווען 7 פּראָצענט פון דער גאנצער אייזענבאהן לענג פון לאנד. אין יאָהר 1877 זיינען שוין 11 אייזענבאהנען געווען לענגער וויא 1,000 מייל, און דאָס האָט דאַן געהייסען 20 פּראָצענט פון אלע ליניעס פון לאנד צוזאמענגענומען. אין יאָהר 1887 זיינען געווען 28 אייזענבאהנען אזעלכע; זיי האָבען צוזאמענגעשטעלט 44 פּראָצענט פון דיא לענג פון דיא אייזענבאהנען אין דיא פעראייניגטע שטאַאטען. אין יאָהר 1896 זיינען שוין געווען 44 אייזענבאהנען מיט צו איבער 1000 מייל דיא לענג. זייערס האָט בעטראָפען ארום 57 פּראָצענט. אין יאָהר 1900 האָט דאָס אויסגעוואקסען צו 60 פּראָצענט.

דער פּראָצעס פון קאָנצענטראציאָן זעהט זיך נאָך דייטליכער פון דעם פאָלגענדעם פערגלייך צווישען דיא צושטענדע אין יאָהר 1880 און 1900. אין יאָהר 1880 זיינען געווען 2085 אייזענבאהנען קאָמפּאַניעס, וועלכע האָבען געהאט צוזאמען 93 טויזענד מייל. אין יאָהר 1900 איז דיא צאָהל מייל פון אייזענבאהנען געשטיעגען אויף 200 טויזענד, וועהרענד קאָמפּאַניעס זיינען בלויז געווען 2023. אָבער אפילו דאָס גיט נאָך אלין קיין פאָלקאָמענעם בעגריעף וועגען די גרויסקייט פון דער קאָנצענטראציאָן, ווייל פון 2023 קאָמפּאַניעס, וועלכע זיינען געווען דיא אייגענטהימער פון דיא אייזענבאהנען אויף פּאַפּיער, האָבען בלויז 847 בעטריבען דיא אייזענבאהנען, וועהרענד דיא איבעריגע, האָבענדיג פערלוירען זייער אונאבהענגיגע שטעלונג, האָבען זייערע ליניעס פערדונגען צו אנדערע. היא

פוללע בעדייטונג פון דיעזען פערדינגען וועט שפּעטער ארויסגעבראַכט ווערען.

דער יאָהר 1898 בעצייכענט דעם אנפאנג פון דער פּעריאָדע פון גרויסע צוזאמענציהונג פון קאפּיטאל אין אלע פאכען פון אינדוסטריע האנדעל און אייזענבאהן געשעפט, אין אלגעמיין בעקאַנט אונטער דעם נאָמען טראָסטס. אין דער אייזענבאהן וועלט איז דיעזער יאָהר געוועזען דער אָנפאַנג פון צוריק אויפוואכען פון דעם קריזיס פון 1893. דאן האָבען אויך דיא אייזענבאהן מאגנאַטען אויספּערטיגט זייערע פּלענער וויא אזוי בייצוקומען דיא שוויעריגקייטען וואָס זיינען בעשאַפען געוואָרען דורך דיא ענטשיידונג פון סופּרים קאָרט מיט א יאָהר פריהער געגען „פּולינג.“

וועהרענד א סטייט לעדזשיסלייטשור קען פערזוכען צו בעשרענקען דיא געשעפטס טהעטיגקייטען פון קאַפּיטאַליסטישע פירמען, ווען דיא טהעטיגקייט פון דיעזע פירמען איז געגען דיא אינטערעסען פון פאָלק, קען אָבער קיין קערפּערשאַפט פון געזעץ־מאַכערס, וועלכע גלויבען אין דיא הייליגקייט פון פּריוואַט אייגענטהום ניט פערוועהרען א קאַפּיטאַליסט צו קויפען פאר זיין געלד וואָס עס איז נאָר דאָ צום פערקויפען. דער קאָנגרעס און דער סופּרים קאָרט האָבען ערקלעהרט אז „פּולינג“ ד. ה. געוויסע אָפּמאכונגען צוויען אונאבהענגיגע אייזענבאהן קאָמפּאניעס, איז אונגעזעצליך. זיי האָבען אָבער ניט פערוועהרט און ניט געקענט פערוועהרען דיא אקציאָנערען פון איין קאָמפּאניע אָפּצוקויפען דיא אקציעס פון א צווייטער. דאָס אַלזאָ איז געוועזען דער לייכטענדער שטערען, דער צייכען, וועלכער האָט דיא אייזענבאהן מאגנאַטען געפיהרט צום זיעג.

דיא „ניו יאָרק סענטראל“, צום ביישפּיעל, וועמעס ליניע איז געוועזען געענדיגט אין באָפּאַלאָ, האָט איבערגענומען דיא „מישיגען סענטראל,“ דיא „לייק שאר ענד מישיגען סאוטהערן“ און אויף אזא אופן איז זיא אריין אין שיקאַגאָ. אזוי וויא דיא „לייק שאָר ענד מישיגען סאוטהערן“ האָט שוין דאן געהאַט קאָנטראָלירט די „ניו יאָרק, שיקאגא ענד סענט לואיס“ און אנדערע אייזענבאהן ליניען, פערשטעהט זיך שוין, אז דיעזע זיינען אויך געוואָרען וואנדערבילט'ס אייגענטהום. שפּעטער איז אויך איינגעשלונגען געוואָרען דיא „ניו יאָרק, לייק אירי ענד וועסטערען“ און איינינגע אַנדערע אייזענבאַהנען.

אן עהנליכען קעמפּיין האָט אָנגעפאנגען די „פּענסילווייניא“ זאָ דאָס אין גיכען האָט דיא לענג פון דיא אייזענבאהנען וואָס יעדע פון דיזע קאָמפּאַניעס האָט פערמאָגט און קאָנטראָלירט דערגרייכט נאָהענט פון 20,000 מיילען.

אָבער דאָס דירעקטע אָפּקויפען פון קאָנקורירענדע ליניעס איז ניט געוועזען דער איינציגער מיטעל פון קאָנצענטראציאָן אין דער אייזענבאהן וועלט. אָבוואָהל דיזע מעטהאָדע איז דיא זיכערסטע האָט זיא אָבער עטליכע חסרונות. עס פאָדערט זיך צום ביישפּיעל גרויסע סומען באארעס קאַפּיטאל. א צווייטע ערענסטערע שוועריגקייט איז דאָס וואָס געוויסע סטייטס פערוועהרען אז איין אייזענבאַהן זאָל אָפּקויפען אן אנדערע, א קאָנקורירענדע ליניע. עס זיינען דאָ אַנדערע געזעצליכע שוועריגקייטען, וועגען וועלכע דאָ וועט ניט נעטהיג זיין צו רעדען. דיא אמעריקאנער פינאַנציערען, וועלכע בעהררשען דיא אייזענבאַהנען זיינען קיינמאָל ניט געוועזען בעשולדיגט אז זיי פעהלט איינפעלע ארומצוגעהן ארום דעם געזעץ, אָדער אנדערע שוועריגקייטען. איינע פון זייערע מעטהאָדען איז דאַרום דאָס „אָפּדינגען“ סיסטעם, וועלכער איז אייגענטליך א פערשטעלטע פאָרמע פון אָפּקויפען, א ביישפּיעל וועגען דעם איז וויא די „פּענסילווייניא“ האָט אָפּגעדונגען דיא „טשעסעיפּיק ענד אָהייא“ אייזענבאהן. אָפּגעדונגען איז זיא אויף ניט מעהר וויא 999 יאָהר, אנשטאט רענט צאָהלט מען דיא אייגענטהימער א געוויסען פּראָצענט אויף דעם אויפגעבלאָזענעם ווערטה פון זייערע אקציעס. אזוי וויא דער דינגער, דאָס הייסט, דיא „פּענסילווייניא,“ נעהמט איבער ניט בלויז דיא בעטרייבונג פון דער באהן, זאָנדערן אויף איהר אויפהאַלטונג, וויא דיא וואקזאלען, לאָקאמאטיווען, וואגאנען א. ז. וו. איז דער אונטערשיעד צווישען דיעזען אָפּדינגען און דירעקטען אָפּקויפען ניט מעהר וויא א געזעצליכער דריידעל.

ארבייטער א גאניזאציאנן

און ארבייטער קעמפפע אין פראנקרייך.

.3

דיא ארבייטסבערזען זיינען א פראנצויזישע ספעציפישע ערשיינונג. זיי זיינען געשאפען געוואָרען אין אנפאנג נור אלס איינפאכע פערמיטלונגס פלעצער, פאר דיא וואָס זוכען ארבייט און ארבייטער. נאָך היינט איז דער זוכען ארבייט, אין פראנקרייך אוועקגעשטעלט אויף זעהר א פרימיטיווען אופן. הענרי סטיל, אליין אן ארבייטער, שרייבט וועגען דעם: „קיין ערנסטע אנצייגען „ארבייטער פערלאנגט" אָדער „שטעלען געזוכט" זיינען אין דיא צייטונגען ניטאָ. דיא געווערקשאפטען זיינען נאָך ניט שטארק גענוג און ניט אלגעמיין גענוג אָרגאניזירט, אז זיי זאָלען קענען בריינגען דירעקטע נוצען. דער בעסטער מיטעל פאר אן ארבייטער (א געלערנטען ארבייטער) אין פראנקרייך איז צו בעקומען בעקאנטשאפט צום פאָרמאן אָדער פערוואלטער פון דער פאבריק, וואו מען וויל קריגען ארבייט*). אונטער אזוינע אומשטענדען האָבען דיא ארבייטס־בערזען ממילא געמוזט ווערן די מיטעלפונקטען פאר די ארבייטער. אויך דאָ בעמערקט מען דיזעלבע ערשיינונג: וויא נור זיי האָבען גענומען בעקומען איינפלוס אזוי האָט זיך ביי זיי ארויסגעשטעלט דאָס בעדירפניס זיך צו פאראייניגען.

אין יאָהר 1886 איז געגרינדעט געוואָרען דיא ערשטע בערזע, אין פאריז. אין יאָהר 1892 האָבען שוין עקזיסטירט 14 ארבייטס בערזען און אין זעלבען יאָהר האָבען זיי, אויפ'ן קאָנגרעס אין סט. עטוען, זיך צום ערשטען מאָהל פעראייניגט. איצט געהערן צום „בונד פון די ארבייטס־בערזען" שוין אן ערך פון הונדערט בערזען, פארשפרייט אין אלע ווינקעלאָך פון לאנד. דיא בערזען עקזיסטירען ניט אויף אייגענע מיטלען, נור בעקומען גרויסע שטיצע פון דיא שטאָדט פערוואלטונגען. אין יאָהר 1902 האָבען זיי בעקומען 396 טויזענד פראנק שטיצע. דיא שטיצע פון דער זייט, העלפט אפילו פיעל ארויס דיא ארבייטס בערזען, גיט זיי דיא מעגליכקייט זיך צו ענטוויקלען און צו וואקסען. זיא דריקט אָבער דיא ארבייטער־בעוועגונג גייסטיג. דורך דיא שטיצע בעקומען דיא שטאָדט פערוואלטונגען, עפעטער זעהר פיינדליכע בעלי־בתים, א גרויסע דעה און איינפלוס אויף דיא בערזען. דורך דעם האָט דיא פאָליציי א צו אָפענע אויג אויף אלץ וואָס דאָרט געהט פאָר. און עס איז שוין פאָרגעקומען טאקע אין פאריז גופא, ווען די רעאקציאָנערע מאיאָריטעט איז געוואָרען די בעלאָט אין דער שטאָדט פערוואלטונג, האָט זיא מיט אמאָל גאָר זיך ענטזאגט צו שטיצען דיא דאָרטיגע ארבייטס בערזע און דורך דעם ארויסגערופען ביי איהר א גרויסען קריזיס.

פיעל ערנסטער, איידער דער „פערבאנד פון די ארבייטס בערזען" איז דיא אלגעמיינע קאָנפעדעראציאָן דער ארבייט", זיא האָט זיך געגרינדעט מיט דעם צוועק צו פעראייניגען אלע קרעפטען פון דיא אָרגאניזירטע ארבייטער, זיא איז געגרינדעט געוואָרען אויפ'ן קאָנגרעס פון לימאזש אין יאָהר 1895. אין איהר האָבען געזאָלט אריינגעהן ארבייטס בערזען אין דיא געווערקשאפטען, איינצעלנע און פערבאנדען. ציעלען האָט דיא קאָנפעדעראציאָן זיך געשטעלט פיעלע: פראָפאגאנדא צווישען דיא אינדוסטריא ארבייטער און צווישען דיא דאָרף ארבייטער; פשרות מאכען צווישען דיא אונטערנעהמער און ארבייטער אין פאל פון סכסוכים; ארויסרופען און אָנפיהרען סטרייקס אין איינצעלנע פאבריקען און אלגעמיינע; שאפען א טרייד יוניאָניסטישען זשורנאל; קלייבען סטאטיסטיק, אויסארבייטען געזעץ פראָיעקטען, און נאָך אנדערע צוועקען און אויפגאבען.

פאר דיא אלע גרויסע צוועקען און אויפגאבען האָט זיא אָבער ניט געהאט ניט קיין מיטלען, ניט קיין כחות. דיא מיטלען זיינען געווען ניט מעהר וויא איין סאנטים (א פינפטעל סענט) פון יעדען מיטגליעד. דיא קרעפטען באשטעהן פון דעלעגאטען: צו דריי דעלעגאטען פון יעדען נאציאָנאלען פערבאנד; 2 פון יעדען לאָקאלען פערבאנד און צו איין דעלעגאט פון יעדער זעלבסטשטענדיג פארטראָטענער געווערקשאפט. (דיא בערזען האָבען זיך צוריקגעצויגען). דיא דעלעגאטען זיינען איינגעטהיילט אין דריי קאָ־

*) —Henry Steele. The Working Classes in France. London, 1904.

מיסיאָנען: 1) קאָמיסיאָן פאַר פערוואַלטונג און פלענער. 2) פאַר סטרייקס. 3) פאַר זשורנאַל און פראָפאַגאַנדאַ. (שיילאַק).

דיא אַלגעמיינע קאָנפעדעראַציאָן דער אַרבייט איז דיא צענטראַלע אָרגאַניזאַציאָן. זיא פאַרטרעט אָבער נור אַ קליינעם טהייל פון דיא אָרגאַניזירטע ארבייטער. זשאַן לאַנגע גיט אָן דיא צאָהל פון איהרע מיטגליעדער אויף 164 טויזענד, דאָרט געהן אַריין מענשען פון כל המינים: פאַבריק־אַרבייטער, האַנדוועדקער, רעגיערונגס אנגעשטעלטע א. ז. וו.

ניט קיין קלענערער מיש־מאַש הערשט אין דיא פאָליטישע איבערצייגונגען פון דיא, אין דער קאָנפעדעראַציאָן פאַרטרעטענע, אָרגאַניזאַציאָנען. בכלל האָבען דיא סאָציאַל דעמאָקראַטען וועלכע האָבען די ערשטע צייט אַזוי פיעל מיה און כחות אוועקגעלייגט אויף דיא גרינדונג פון דיא געווערקשאַפטען, שוין לאַנג פאַרלאָרען דאָרט דיא אויבערהאַנד, אָדער פיעלייכט קיין מאָל דיא אויבערהאַנד ניט געהאַט. אין דער „קאָנפעדעראַציאָן“ וויא אין דיא „בערזען“ זיינען פאַרטראָטען פערשיעדענע ראַדיקאַלע און ניט ראַדיקאַלע, סאָציאַליסטישע און האַלב אָדער גאַנץ אַנאַרכיסטישע ריכטונגען. „אין דיא יוניאָנס — שרייבט סטיל — געפינען זיך זעהר פיעל געגנער פון פאָליטיק, ניט אָבער אַזוינע געגנער וויא אונזערע „פיור און סימפל“ לייט. זיי זיינען געגנער פון פאָליטיק און פון פאַרלאַמענטאַריזמוס, און האָפען אַז מען קען איינפיהרען אַ גאַנץ נייע געזעלשאַפט דורך אן אַלגעמיינעם סטרייק און דער גענעראַל סטרייק איז געוואָרען דער הויפט פונקט, יא, זאָגאַר דער איינצעלנער פונקט פון זייער פראָפאַגאַנדאַ“. קלעהרט קאַוטסקי — זיינען צו זוכען ערשטענס

„דיא וואָרצלען פון דער געגען פאַרלאַמענטאַרישע „גענעראַל סטרייקלעריי“ — ערשטענס אין דעם, וואָס דיא געווערקשאַפטס־בעוועגונג איז געוואָרען שטאַרקער. צווייטענס, ווייל דיא מאַסען האָט גענומען עקלען פון דער פאַרלאַמענטאַרישער קאָרופציאָן.“ דער בורזשואַזנער געלעהרטער מאהיים געפינט אַז דיא פראַנצויזישע אַרבייטער ציהען פאַר גרויסע סטרייקס, וועלכע רופען אַרויס דיא אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט, כדי עס זאָלען זיך אַריינמישען דיא פאָרשטעהער פון דער רעגיערונג און מען זאָל קענען מאַכען אַ בעסערע פשרה. און העגריעטע ראַלאַנד־האָלסט געפינט זאָגאַר, אַז גראַדע „דיא שוואַכקייט פון דיא געווערקשאַפטען, צוזאַמען מיט דעם נאַציאָנאַלען טעמפּעראַמענט זיינען דיא הויפטאורזאַכען פון דער פּאָפּולאַריטעט, וועלכען דער גענעראַל סטרייק געפינט ביי דיא גרויסע מאַסען פון פראַנצויזישע ארבייטער“. זיא שטיצט זיך אין דעם אויף איינעם פון דיא געוועזענע הייסעסטע אַגיטאַטאָרען פון גענעראַל סטרייק, דעם איצטיגען פראַנצויזישען מיניסטער בריאַן, וועלכער האָט מודה געווען אַז „דיא בעגייסטערונג פאַר דעם גענעראַל סטרייק קומט דערפון, ווייל דיא אַרבייטער פיהלען זיך ביי איינצעלנע סטרייקס כמעט שטענדיג מאַכטלאָז.“*) אַזוי צו אַזוי. דער פאַקט בלייבט, אַז „דער קאָנגרעס פון דיא פראַנצויזישע געווערקשאַפטען אין באָרדאָ אין יאָהר 1888 איז געווען דער ערשטער, וועל עס האָט זיך בעשעפטיגט מיט'ן גענעראַל סטרייק. אין צאָהלרייכע וויטערדיגע קאָנגרעסען פון דיא פראַנצויזישע געווערקשאַפטען האָבען פון דעם יאָהר 1888 ביז איצט וויעדערהאָלט זייער גלויבען אין גענעראַל סטרייק. און אויף יעדען קאָנגרעס שטעהט דער גענעראַל סטרייק אויפ'ן טאַגעס־אָרדנונג. (ראַלאַנד־האָלסט).

דער פיהרער פון דער „אַלגעמיינער קאָנפעדעראַציאָן דער אַרבייט“ און דער פיהרער פון דער איצטיגער בעוועגונג, גריפעלע, ערקלעהרט אויף דעם פאָלגענדען אופן דעם אני־מאמין פון דער „רעוואָלוציאָנערער געווערקשאַפטס־בעוועגונג“, וועלכער ווערט, געוועהנליך, אויסגעדריקט אין דיא צוויי ווערטער: „דירעקטע אַקציאָן“: מיר — דיא רעוואָלוציאָנערע געווערקשאַפטען, זיינען דער מיינונג, אַז דער קאַמפף מוז זיך שטיצען ניט אויף דיא געפיהלען, זאָנדערן אויף די אינטערעסען און בעדירפנים. מיר קעמפפען געגען דיא בעלי־בתים כדי אַרויסקריגען פון זיי וואָס מעהר פערבעסערונגען, געהענדיג אויף אַזאַ אופן צו דער פאָלשטענדיגער פערניכטונג פון דער עקספּלואַטאַציאָן. דיא נויטווענדיגקייט פון סטרייקס פיהרט אונז ווייטער צו מאַכען אַנטימיליטערישע פראָפאַגאַנדאַ. דיא „דירעקטע אַקציאָן“ הייסט, דער קאַמפף פון דיא אַרבייטער אַליין פאַר זייער בעפרייאונג. דער אַרבייטער־קאַמפף איז פאַר אונז נור אַ אונאויפהערליכער אויסדרוק (מאַניפעסטאַציאָן) פון אונזערע קרעפטען. דער קאַמפף מוז געפיהרט ווערען יעדען טאָג דורך דיא פעראינטערעסירטע אַליין, און ווען מיר וועלען אויסוואַקסען גרעסער און מיר וועלען ווערען שטאַרקער, דאַן וועלען מיר געבען אַ גרויסע, אַלגעמיינע שלאַכט דורך אַ גענעראַל־סטרייק און מיר וועלען קומען צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן.

(*—Henriette Rolard-Holst. Generalstreik und Socialdemakratie. 2te Auflage. Dresident, 1906.

פאר דיא „רעוואָלוציאָנערע געווערקשאפטען", וועלכע זיינען דיא טאָנאַנגעבער און דיא פיהרענדע גייסטער אין דער „אַלגעמיינער קאָנפעדעראַציאָן דער ארבייט" איז דער קאמפף מעהר וויא א מיטעל. ער איז ביז צו א געוויסען גראד א צוועק שוין פיר זיך אליין. דער אמת'ער ארבייטער־קאמפף—אלס קלאסענקאמפף הייסט, פאר זיי דער סטרייק אין דער פאָרם פון גענעראל סטרייק ניט נור ווייל דורך א גענעראל סטרייק, קען מען מעהר געווינען, נור ווייל יעדער גענעראל סטרייק איז אזוי צו זאָגען, א פּרוזדור, א פּראָבנע מאָביליזאציאָן צו דער סאָציאלער רעוואָלוציאָן.

4.

„קאמפף אונטער אלע מעגליכע אומשטענדען, „קאמפף אלס אונאויפהערליכע מאַניפעסטאַציאָן פון אונזער קראפט, וויא גריפעלע דריקט זיך אויס! עס איז דערפאר קיין וואונדער ניט, וואָס „דיא סטרייקס האָבען אין פראנקרייך אין פערלויף פון דיא לעצטע יאהרען זיך שטארק ענטוויקעלט און זייער צאָהל האָט זיך אין דיא לעצטע פופצעהן יאהר פארדרייפאכט. אין דיא לעצטע צעהן יאָהר פארדאָפּעלט." *)

פאָלגענדע טאבעלע, וועלכע פּאָול לואי ברענגט—גיט א קלאָהרען בילד איבער דעם ענטוויקלונגס גאנג פון דער סטרייק בעוועגונג אין פראנקרייך אין פערלויף פון דיא לעצטע צעהן יאהר:

אין יאהר	סטרייקס.	צאָהל פון אנטייל גענומען: ארבייטער.	סטרייק־טעג.
1894	391	54.700	1.062,000
1895	405	45.800	617.000
1896	476	48.000	644.000
1897	356	68.000	780.000
1898	390	57.000	623.000
1899	740	176.000	355.000
1900	902	222.000	3760.040
1901	523	111.000	1862.000
1902	512	212.000	4675.000
1903	576	123.000	2441.000
1904	1026	271.000	3934.000

(**

וועגען דיא רעזולטאטען פון דיא סטרייקס גיבט דיא אָפיציעלע סטאטיסטיק פאָלגענדע צאהלען אן: סטרייקס געענדיגט מיט א ערפאָלג 22.4 פראָצענט. געענדיגט דורך פשרות — 35.4 פראָצענט. פערלאָרען 222 פראָצענט. דיא פראָדוקציאָנס צווייגען מיט דיא גליקליכסטע סטרייקס זיינען געוועזן אין יאהר 1904; דיא סטרייקס אין דער לאנדווירטשאפט, 36 פּראָצ. געוואונען; מעטאל אינדוסטריא זאָגאָר 86 פּראָצענט געוואונען; א ניעדערלאגע איז אין גאנצען אונבעקאנט אין דער האָלץ אינדוסטריא, זעלטען אין דער לאנדווירטשאפט און לעבענס־מיטעל־אינדוסטריא; אָבער אָפט ביי דער פארפערטיגונג פון קליידער און אין דער כעמישער אינדוסטריא" (פּאָול לואי.)

גריפעלע רעכענט אויס דיא רעזולטאטען פון דיא סטרייקס אין דיא לעצטע 6 יאָהר פון יאהר 1899 ביז 1904 און קומט צו פאָלגענדע שליסע: פון דיא 4270 סטרייקס אין וועלכע עס האָבען אנטהייל גענומען 1.119.000 ארבייטער האָבען 2666 סטרייקס איינגעבראכט פאר 872.426 ארבייטער געוויסע פערבעסערונגען. 1600 סטרייקס האָבען גאָר ניט איינגעבראכט. 2094 סטרייקס זיינען אָנגרייפענדע (אָפענזיווע). *)

פערגלייכענדיג דיא רעזולטאטען פון דיא פראנצויזישע סטרייקס מיט דיא סטרייקס און אין אנדערע לענדער, שטעלט גריפעלע אין אַן אַנדער ארטיקעל אויף פאָלגענדע טאבעלע:

	געוואונענע סטרייקס	געענדיגט מיט א פשרה
ענגלאנד	31 פראָצ.	21 פראָצ.
דייטשלאנד	" 22	" 32
עסטרייך	" 19	" 30
פראנקרייך	" 25	" 35

(**

די פארגעטערונג פון דעם גענעראל־סטרייק אלס עקאָנאָמיש סאָציאלען בעפרייער צווישען דיא פראנצויזישע אָרגאניזירטע ארבייטער האָט איינינגע צייט געמוזט ווירקען בעגייסטערנד און אויפמונטערנדיג צום קאמפף. און דער ראשער וואוקס פון דער סטרייק בעוועגונג קען ביז צו א געוויסען גראד אוועקגעשטעלט ווערן אויף'ן חשבון פון יענער קאמפף־שטימונג. אָבער עס איז קיין ספק ניט, אַז דיא זעלבע שטימונג האָט ארויסגערופען פיעל אונאנגענעהמע רעזולטאטען. מען קען זאָגען, באמערקט גאנץ ריכטיג ראָלאנד — האָלסט—אַז דיא אידעע פון רעוואָלוציאָנער עקאָנאָמישען גענעראל סטרייק האָט אויף

—Griffuhles Le Syndicalisme revolutionaire. Le Mouvement Socialist, 1905. Vol. XV.

.—Paul Louis. Streiks in Frankreich, N. Z., 1905.

—Grifuhles Les greves et le syndic français. Le Mouvement Socialist, 1906.

—Grifuhles Le Syndicalisme revolutionaire M. S., 1905.

דעם גייסטיגען צושטאנד פון די ארבייטער־מאַ־
סען א עהנליכען איינפלוס, וויא דער לייענען פון
סענסאציאָנס ראָמאנען אויף יונגע קינדער. זיא
שטרענגט אָן זייער פאַנטאזיא, רייסט זיי אָפּ פון
דעם ווירקליכען גאנג פון דער געזעלשאפטליכער
ענטוויקלונג. צושטערט דעם געזונדען אינטערעס
פאַר'ן טעגליכען לעבען און טעגליכע ארבייט,
האלט צוריק פון פרישען קאמפף פאַר אויגענ־
בליקליכע אינטערעסען און פאַראייניגט איהר
גאנצע אויפמערקזאמקייט אויף דיא ערוואַרטונג
פון צוקינפטיגע גליקען. אדער זיא פאַרברענגט
דיא קראַפט פון פּראָלעטאריאט אויף ניט גענוג
פאָרבערייטעטע, שלעכט־געפיהרטע און פאַר־
אויס צום דורכפאל פאַראורטהיילטע סטרייק־
פּראָבעס. דיא געווערקשאפטס־בעוועגונג וועלכע
עס געפינט זיך אונטער דער מאכט פון גענעראל־
סטרייק—אילוזיאָן, האט קיין אנדער ברירה ניט.
ענטוועדער זיך צו ווארפען אין קאמפף מיט פיעל
היץ און וויניג איבערלעגונג; אדער גאר נישט
טהוענדיג, זיצען און ערוואַרטען די צוקונפט *)

ווען דיא פראנצויזישע געווערקשאפטען
זאָגט אין אנאנדערע פלאץ ראַלאנד־האָלסט —
האָבען זיך ערקלערט פאר דעם גענעראל־סטרייק
און ניט אויפגעהערט איהם צו פּרייזיגען שוין
זייט 18 יאהר, האבען זיי וועניג וואס געטראכט
וועגען דיא פראקטישע נויטווענדיגקייט אדער
מעגליכקייט פון אזא מין קאמפף פאר פראקטי־
שע אינטערעסען פון טעגליכען לעבען. עס איז
געוועזען שוין א געוויסער טריט צו דער ווירקליכ־
קייט, א געוויסער פאָרשריט ווען דיא פראנצוי־
זישע געווערקשאפטען האבען אין דער לעצטער
צייט פאַרבונדען דעם גענעראל סטרייק מיט דער
אכט שטונדען בעוועגונג.

אָבער צו איז דער „פראקטישער" געדאנקען
דורך א גענעראל־סטרייק איינצופיהרען דעם 8
שטונדיגען ארבייטס־טאָג אליין ניט א שטיק רע־
וואָלוציאָנערע פאנטאזיע ?

דער וואשינגטאָנער דעפּארטאמענט אָוו
לייבאָר האט מיט 2 יאהר צוריק פערעפענטליכט
פערגלייכענדע טאבעלען, וועגען דיא ארבייטס־
צייט אין פערשידענע לענדער.

עס האבען געארבייט :

ארבייטס ־ שטונדען אין דער וואָך

	פער. שטאטען	ענגלאנד	דייטשלאנד	פראנקרייך	בעלגיען
שמיעדען	59.41	54	62	60.34	
קעסעלשמיעדען	59.25	54	64	63	60
מויערער	54.54	51	59.75	66	62
הטאָלערם	55.94	52.67	59.41	60	64.87
זעצער	53.15	54.33	57.40	60	60
שטיינטרעגער	52.78	52.67	59.75	66	62
מאשיניסטען	59.52	54	64	61.90	—
מאלארעם	55.23	54.33	56.50	60	66
בליי־ארבייטער	54.33	50	59.75	63	60
שטיינהאקער	52.73	51	60	60	65
סתם ארבייטער	59.02	54.17	59.98	60	8--63

פון דעראיין זעהען מיר. 1) וויא פערשידען
דיא ארבייטס־צייט איז אין פערשידענע פּראָ־
דוקציאָנס צווייגען און 2) אז אין אלע פּראָדוק־
ציאָנס צווייגען איז דיא ארבייטסצייט אין
פראנקרייך ניט דער ערך לענגער וויא אין ענג־
לאנד און דיא פאראייניגטע שטאאטען. דער
פלאַץ ערלויבט אונז ניט זיך אָבצושטעלען לענ־
גער און ווייזען, וויא לאנגזאם, דורך שווערע
קעמפּפע און דויערנדע אָרגאניזאציאָנס ארבייט
עס האט זיך דיא ארבייטער אָרגאניזאציאָנען
איינגעגעבען צו פארקירצען ביסלעכווייז די אר־
בייטס־צייט, דיא ארבייטס־שטונדען. דעם אכט
שטונדיגען ארבייטס־טאָג האָבען ביז איצט
אפילו דיא ענגלישע ארבייטער—וועלכע האָבען
זיך דערשלאָגען צו דער ניעדריגסטער ארבייטס
צייט — נאָך אויך ניט אין קיין פאבריק־אינ־
דוסטריע.

און נאָך איין זאך. קוטסקי ערצעהלט אויס־
פיהרליך אין זיין „רעפובליק און סאָציאל־דעמאָ־
קראטיא אין פראנקרייך" ווי שווער און מיט
וועלכע גרויסע מאטערניש עס איז אָנגעקומען די
פראנצויזישע ארבייטער דורכצופיהרען געזעצען,
וואס זאָלען שוטצען דיא קינדער פון צו לאנגע
שטונדען. אפילו נאָכדעם וויא דיא געזעצען פלע־

*) —Generalstreik und Socialdemokratie, 1906.

—Bulletin of the Bureau of Labor, No. 53. July, 1904. Washington.

גען שוין אָנגענומען ווערען, פלעגען זיי בלייבען מעהר אויפ'ן פּאַפּיער. דער „סאָציאַל דעמאָקראַטישער" מיניסטער מילעראַן האָט צ. ב. זיך ארויס געוויזען צו שוואך צו צווינגען דיא קאַפּיטאַליסטען אָבצוהיטען דעם געזעטץ פון 1892 וועגען 10 שטונדיגען ארבייטס־טאָג פאר קינדער אונטער 16 יאהר און 11 שטונדיגען ארבייטס־טאָג פאר פרויען. מילעראַן האָט געמוזט פּאַרלויפיג זאָגאר העכערען דיא געזעצליכע ארבייטס־צייט פאר אַלע ארבייטער אויף 11 שעה א טאָג כדי אין 2 יאהר ארום צו פערקלענערען אויף 10½ שעה; און אין נאָך 2 יאהר ארום די פערקלענערן ביז 10 שעה אַ טאָג.

נו, קומען דיא „רעוואָלוציאָנערע געווערקשאַפטען" אונטער דער פיהרונג פון דער „אַלגעמיינער קאָנפעדעראַציאָן דער ארבייט" וועמעס כחות, וויא מיר האָבען געזעהען—זיינען ווייט ניט גרויס און ווילען דורך איין סטרייק, מיט אַמאָל אין אַלע פּראָדוקציאָנס־צווייגען איינפיהרען דעם 8 שטונדען ארבייטס־טאָג! וועלכע רעזולטאַטען קען מען ערוואַרטען פון אזא בעוועגונג? מיט וואָס קען דער קאמפף זיך ענדיגען?

„עס איז זעלבסטפערשטענדליך" — האָט פאר עטליכע חדשים צוריק געשריעבען ראַלאנד־האָלסט—אז עס וועט זיך ארויסווייזען פאר אונמעגליך פאר אַלע זאָרטען ארבייט אין דערזעלבער צייט דורכצופיהרען גלייכע ארבייטס־שטונדען." פון דאַן אָן איז דער ערוואַרטעטער קאמפף געוואָרען דיא ווירקליכקייט. און שוין פון ערשטען טאָג אָן האָט זיך געוויעזען אז וועגען אַלע „פּראָדוקציאָנס צווייגען" איז גאָר קיין רייד ניט. אויף דיא שטרענגע פאָדערונג פון 8 שטונדיגען ארבייטס־טאָג איז גלייך אין אָנפאַנג נאָך געלאָזען געוואָרען.

אנשטאט דער גרויסער היסטאָרישער שלאַכט, וועלכע האָט געזאָלט מקרב זיין דעם קיז, האָט דער קאמפף אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון א קליין קריעג; נור איינצעלנע קליינע אנפעלע אין פערשיעדענע פּלעטצער זיינען געמאַכט געוואָרען פון דיא ארבייטער געגען דיא קאפּיטאַליסטען. און ניט איבעראַל זיינען דיא ארבייטער זאָגאר געווען דיא אָנגרייפער. דער שרעקליכער גענעראַל־סטרייק האָט אָפּט זאָגאר אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון א לאָקאוט. דיא ארבייטער פלעגען שוין וועלען געהן צוריק צו דער ארבייט. דיא אונטערנעהמער האָבען אָבער ניט געוואָלט. און אזוי האָט דער קאמפף זיך ערטערווייס פארצויגען ביז ער איז ביסלעכווייז אויסגעלאָשען געוואָרען.

מיר האָבען ניט קיין אויספיהרליכע ידיעות וועגען דיא רעזולטאַטען פון דער לעצטער בעוועגונג. עס איז אָבער זיכער, אז דיא גרויסע צוועקען און אין הייסע האָפנונגען זיינען ניט ערפילט געוואָרען. און דיא שטימונג צווישען דיא פראַנצויזישע ארבייטער וואָלט געווים געווען זעהר א געדריקטע. ווען עס וואָלט אונטערדעסען זיך ניט אונטערגערוקט דיא פּאַרלאַמענטס־וואהלען, מיט זייער גרויסען זיעג פאר דיא סאָציאַליסטישע ארבייטער־פּאַרטיי.

דורך דיא וואהלען און זייערע רעזולטאַטען — דיא זיכערונג פון דער דעמאָקראַטיע און דער זיעג פון דיא סאָציאַליסטען — האָט דער אַלגעמיינער אינטערעס אויך ביי דיא ארבייטער זיך ווידער צוגעווענדעט צום פּאַרלאַמענט. פון דאָרט ערוואַרטען דיא ארבייטער נייע זיעגען אויף פאר זייער זאך, נייע רעפאָרמען, נייע פארבעסערונגען פון זייער לאַגע. דער חלום דורך „דירעקטע אקציאָן" מקרב צו זיין דעם קיז, האָט זיך אויך דעם מאָל זיך געענדיגט אזוי וויא מען האָט געקאָנט פאָראויסזעהן, זיך געענדיגט מיט א מפּלה, מיט אַן ענטטוישונג.

דר. ק. פאַרנבערג.

צו דיא לעזער

מיט דיעזען נומער פאנגען מיר אן דעם צווייטען האלבען יאָהר פון א פערגרעסערטע „צוקונפט" ס'איז איבעריג צו בעמערקען אז דיעזע פערגרעסערונג איז פערבונדען מיט אונגעהייערע קאָסטען, אָבער טראָטץ דעם זיינען מיר דאמיט צופריעדען, וויסענדיג אז דאָס וועט אונז העלפען פערשפרייטען בילדונג און פאָרטשריט צווישען דיא מאססען.

מיר זיינען שטאָלץ אויף אונזער ארבייט און מיר קענען מיט זיכערהייט זאָגען, אז נאָך קיינמאָהל אין קיין צייט און אין קיין לאנד האָט מען ניט ארויסגעגעבען אויף זשארגאָן אזא בעלעהרענדען, ערנסטען אינטערעסאנטען און וויכטיגען זשורנאל, וויא דיא יעצטיגע „צוקונפט".

אז דיא „צוקונפט" ווערט ניט ארויסגעגעבען פון פריוועט פערזאָנען אָדער ארגאניזאציאָנען פיר פראָפיט, דאָס וויסען אונזערע לעזער.

דיא איינציגע אויפגאבע פון דיא „צוקונפט" איז אויפצוקלערען דיא מאססען, זיי צו מאכען פיר זעלבסטשטענדיגע דיינקענדע מענשען און קלאַסענבעוואוסטע סאָציאַליסטען; זיי צו לערנען וויא צו קעמפפען פיר זייערע רעכטע און וויא זיך צו בעפרייען פון דער גייסטיגער, פּאָליטישער און עקאָנאָמישער שקלאפעריי.

דיא פריינדע פון דיא „צוקונפט" אנערקענען עס און טהוען וויא וויים מעגליך פאר דיא „צוקונפט."

מיר בענאַכריכטען אונזערע לעזער, אז די סימפּאַטיע צו דער „צוקונפט" ווערט גרעסער, איהר איינפלוס, איז מעכטיגער. דיא ליעבע צו דער „צוקונפט" ווערט שטארקער, דיא פריינדשאפט מעהר בינדערט אָן דיא צאָהל פון דיא לעזער וואקסט מיט יעדען חודש.

עס איז אנערקענטער פאקט אז אין דיזע מאָנאטען פון יאָהר ווערט דיא סירקוליישיאָן פון אירגענד וועלכע צייט־שריפט, צייטונג אָדער זשורנאל קלענער, ווייל אין דיא הייסע מאָנאטען לעזט מען ניט אזוי פיעל. און טראָטץ דיזען אנערקענטען פאקט האָבען מיר געבראָכען דעם רעקאָרד. מיר האָבען לעצטען מאָנאט געדרוקט און פערקויפט מעהר „צוקונפט'ס," וויא אירגענד וועלכע מאָנאט פון וועלכען עס איז איהר זינט דיא „צוקונפט" עקזיסטירט.

מיר דאנקען פאר דיעזען גרויסען צו־וואקס פון אונזער סירקוליישאָן, אונזערע פריינדע און גענאָסען, וועלכע ארבייטען פיר זייער אויפקלעהרונגס־אָרגאַן.

אָבער מיר זיינען נאָך אליין ניט צופריעדען מיט דעם רעזולטאט. מיר וויסען אז מען קען און מען מוז פיעל מעהר אויפטהון. עס זיינען נאָך דאָ טויזענדער און טויזענדער וואָס דארפען ווערען לעזער און סובסקרייבער פון „צוקונפט."

גענאָסען! איהר האָט יעצט דיא בעסטע געלעגענהייט צו פערשפרייטען דיא „צוקונפט," מיט דיא פרעמיום וואָס מיר גיבען פיר א קורצע צייט.

„דיא געזאמעלטע לידער פון מאָררים ראָזענפעלד" קען מען מאכען יעדען אידישען לעזער פיר א „צוקונפט" לעזער.

וואו עס איז נור דאָ א הויז וואו מען קען לעזען אידיש דאָרט מוז זיין דיא „צוקונפט."

פיר 1 דאָלאר קען מען יעצט האָבען אי „מאָררים ראָזענפעלד'ס געזאמעלטע לידער אי דיא „צוקונפט" יעדען מאָנאט פיר א יאָהר צייט.

ווער וועט יעצט ניט ווערען א סובסקרייבער פיר דיא „צוקונפט" ווען מען זאָל איהם נור פאָרלעגען עס? אויך אייך גענאָסען, פריינדע און לעזער פון דיא „צוקונפט" ליעגט דיא פפליכט צו זעהען אז אייער שכן, אייער פריינד, אייער בעקאנטער זאָל ווערען א לעזער פון דיא „צוקונפט."

וועט איהר זיך אָברופען אויף דעם?

צו יעדען וואָס וועט ארייגשיקען פינף סובסקרייבערס, וועלען מיר געבען מאָררים ראָזענפעלד'ס געזאמעלטע לידער אָדער א פאונטיין פען מיט דיא „צוקונפט"אויפשריפט אלס אנערקענונג פיר דער ארבייט צו פערשפרייטען דיא „צוקונפט" דיא סובסקרייבער וועלען אויך זיין בערעכטיגט צו דער פרעמיום.

ווער וועט זיין דער ערשטער אויף דער ליסטע פון דיא וואָס טהוען פיר דיא „צוקונפט"?

מיר וועלען אויך אויפמערקזאם מאכען אונזערע לעזער אויף דיא אדווערטייזמענטס פון דיא „צוקונפט".

וויא מיר האָבען אייך שוין מיט איינינע מאָנאטען ערקלערט, איז אדווערטייזמענטס איינע פון דיא הויפט איינגאַהמען פיר א זשורנאל. אָבער ווען מען אדווערטייזט וויל מען האָבען רעזולטאטען דערפון, דארום בעטען מיר אייך ווען איהר דארפט עפּעס האָבען זאָלט איהר פּאַטראָניזירען דיא אדווערטייזער פון „צוקונפט" און אויך זאָגען זיי דאָס איהר פאַטראָניזירט זיי דאפיר ווייל איהר האָט געלעזען זייער אדווערטייזמענט אין דיא „צוקונפט."

מענעדזשמענט „צוקונפט".

די צוקונפט

אינהאלטס פערצייכניס:

		זייטע
מאָררים ווינטשעווסקי'ס בילד.		1
מאָררים ווינטשעווסקי —	דר. ק. פאָרנבערג.	3
דער דזשאָנגל (מיט א בילד)	ל. בודיאַנאָוו.	9
דיא אידישע אימיגראציאָן און דיא אימיגראציאָנס געזעצען —דר. י. מ.		13
פיליפ קראנץ (מיט א בילד)	דר. י. מ. רובינאָף	13
אימיגראציאָנס געזעצען —	טהעאָדאָר ראָטהשטיין.	21
רעמבראנד (מיט א בילד)	מ. קאטץ.	25
הייאוואטהא —	לאָנגפעללאָ.	31
ארוים פון גלות	פער האלסטראם.	34
ביי דעם גרויסען האפען (געדיכט)	ה. רויזענבלאט.	39
וואָלקענס לייכטע.... (געדיכט)	יואל סלאָנים.	39
דוד פינסקי (מיט א בילד)	יואל ענטין.	40
דער וועלט בנין	יוליאוס פארניץ.	44
די נאציאָנאלע פראגע און די אידען פראגע.	דר. ק. פאָרנבערג.	50
מ. זאמעטקין'ס א רוסישער שיילאָק.	י. ע.	58
דיא צייט פון פערשטאנד	ק. פ.	59
דיא פאריזער קאָמונע.	בן־הלל.	61



מאָררִיס ווינטשעווסקי

Photo by Paley

די צוקונפט

No. 8 AUGUST 1906. Vol. XI

מאררים ווינטשעווסקי

(צו זיין 50 יעהריגען יובילעאום.)

איך בין לא עליכם שוין אלט" — אזוי האט געשריבען דער „משוגענער פילאזאף" אין זיין ערשטע „משוגעת", וועלכע איז ערשיענען אין נומער 16 פון פיערטען יאהרגאנג פון לאנדאנער "ארבייטער פריינד„. און אין דער פיערטער „משוגעת" איז ער מגלה סוד: „איך בין שוין 63 יאהר אלט. איך בין א מינסקער..."

דאס איז געווען אין יאהר 1889. און שוין דאן, אין יענע ערשטע פריהלינגס טעג פון דער אידישער ראדיקאלער סאציאליסטישער ליטעראטור, ווען דיא ערשטע שפראצען פון א סאציאליסטישער בעוועגונג צווישען דיא אידישע מאסען האבען זיך קוים גענומען בעווייזען; ווען דיא שפעטערדיגע קלענערע און גרעסערע, פאעטישע און פראזאישע שטערענס פון דער אידישער ראדיקאל־סאציאליסטישער ליטעראטור זיינען נאך געווען איינגעוויקעלט טיעף אין דעם נעבעל פון אונבעוואוסטהייט; אין יענער צייט איז דער "פילאזאף„ שוין געגאנגען מיט פעסטע, זיכערע טריט אויף דעם ליטערארישען פעלד. פאר איהם איז שוין דאן ניט נור געווען קלאהר דער גרויסער, ווייטער סאציאליסטישער האריזאנט. ער האט ניט נור געקוקט מיט האפנונג און צוטרויען פאר זיך, אויף דיא צוקונפט. ער האט שוין געהאט הינטער זיך, אין דער פערגאנגענהייט, יאהרען פון קאמפף, יאהרען פון פרוכטבארער ליטעראריישער טהעטיגקייט, יאהרען פון בעוואוסטקייט און פאפולאריטעט.

און דיא לעזער האבען געפיהלט אין דעם גאנצען ארט שרייבען פון דעם, „משוגע'נעם פילאזאף" אין זיין גאנצען אויפטרעטען, אין זיין שפראך, געוואנדקייט און פעסטקייט, אז צו זיי רעדט א מאן וואס איז רגיל ומסוגל צו זיין א „זיידע", א ראש וראשון אין דער ליטעראטור. און גלייך פון זיין ערשטען אויפטריט איז דער "משוגע'נער פילאזאף„ געווארען פאפולער און בעליעבט, געאכטעט און געשעצט.

דער "משוגע'נער פילאזאף„ איז — וויא "זיין פריינד ווינטשעווסקי„, האט איהם אין א פאאר יאהר ארום ערקלעהרט,— „שוין פון אנפאנג אן געווען א מאן, וואס דיינקט און דארום קריינקט; א מאן וואס קלעהרט און דארום ווערט ביס־ביסלעכווייז א שוואכער גרייז„. וואס זשע האט גענגבערט זיין מוח פון דיא יונגע יאהרען אן?

אין זיין פיערטער "מישוגעת„ ערקלעהרט ער, פאר וואס מען רופט איהם "משוגע'נער פילאזאף„, ווייל איהם קומט אויס אז דיא גאנצע וועלט געהט קאפויר. און קאפויר איז דיא וועלט דערמיט, וואס "די נארען ארבייטען און שמאכטען און דיא שופטען געהן ארום ליידיג און שוועלגען„. און שוין דאמאלסט וויים ער דיא איינפאכע און צוגלייך, ראדיקאלע, רפואה: „דיא ארבייטער דארפען נור מאכען יד אחת געגען דיא שופטען, וועלען דיא שופטען קיין שופטען ניט זיין און דיא נארען קיין נארען ניט זיין." און זעהענדיג אין וואס דיא קראנקהייט פון דער מענשהייט בעשטעהט, און דערוויסענ־

דיג זיך די זיכערע תרופה צו דער מכה, האָט מאָרים ווינטשעווסקי, שוין לאַנג צוריק נאָך אין דער יוגענד, זיך געגעבען פאָלגענדע שבועה:

„ווען איך בין אין טורמע פאר פרייהייט געזעסען,
מיט יאָהרען און יאָהרען צוריק;
ווען איך בין געווען וויא אטויטער פערגעסען
פון פריינדע, פון ליעבע, פון גליק,—
דאן האָב איך געשוואָרען א הייליגע שבועה,
צו קעמפּפען פיר ווארהייט און רעכט;
צו אָפּפערן יוגענד, און וואָילטאָג און רוהע,
דיא רוהע פון טעג און פון נעכט,—
כל זמן וויא דער מענש וועט פערבלייבען אין קייטען,
דיא וועלט, זיא וועט זיין אן אסטראָג,
כל זמן וויא דעם ארבייטס־מאן וועלען בעגלייטען
דער חשך, דאָס אונגליק, דער קלאָג.
דאָס האָב איך צוריק מיט א רייהע פון יאָהרען,
אין טורמע פערשפּארט און פערמאכט
אין דונקעלע איינזאמקייט, הייליג געשווארען
און מיך האָט געהערט דאן דיא נאכט.

* * *

”דער דאָזיגער„ בן־ניז, דער ”מישוגע׳נער פילאָזאָף“, מאָררים וויטשעווסקי איז טאַקי דער זיידע פון דער אידישער ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישער ליטעראַטור אין איהרע פערשיעדענע פאָרמען: אין פאָעזיע אין פראָזאָ, אין פובליציסטיק און סאַטירע, אין אגיטאַציאָן און זשורנאַליסטיק, אבער ער איז נאָך גאָר ניט אַזאַ זקן, וויא ער גיט זיך אליין אָן. אין אכט טעג ארום, דעם 9טען אוגוסט, וועלען מיר ערשט נאָך פייערן דעם יובילעאום פון זיין 50טען געבורטסטאָג. ער איז אויך ניט קיין מינסקער.

מאָררים ווינטשעווסקי איז געבוירען געוואָרען אין דער קליין שטעדטעלע יאַנאָווא, ניט ווייט פון קאָוונא אין יאָהר 1856. ער איז אבער אויסגעוואַקסען און האָט זיך ענטוויקעלט אין קאָוונא, וואוהין זיינע עלטערן זיינען אריבערגעפאָהרען אין יאָהר 1863 דאָרט צו פערבלייבען.

ווינטשעווסקי׳ס פאָטער איז אפילו געוועזן איינער פון דיא פרימסטע און אנגעזעהנסטע „בעלי בתים“ און איז געוועזן אַזאַ חשוב, אַז ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער האָט קיין מאָל ניט פאַרנומען דעם כסא־הרבנות, האָט מען איהם אין שטאָדט גערופען רב זיסעל, דאָך האָט ער זיין זון געלאָזט באַזוכען די פאָלקס־שוהל. און ווען מאָרים איז אין יאָהר 1870 ארויס פון „אוטשילישצע“ איז ער אַוועקגעפאָהרען אין ווילנא, ניט זיך פאָרבערייטען צו רבנות, ניט אריינצוטרעטען אין איינע פון די דאָרטיגע ישיבות, נור ער האָט געוואָלט זיך פאָרבערייטען אַנצוקומען אין ראַבינער־שול.

אין ראַבינער שוהל איז ווינטשעווסקי ניט אָנגעקומען. פאַר וואָס, ווייסען מיר ניט. קיין רב איז ער אויך ניט געוואָרען. דערפאַר אבער האָט ער פריה אָנגעהויבען צו שרייבען. און, ווי אַלע משכילים פון יענער צייט, האָט ער אָנגעהויבען צו שרייבען העברעאיש. וויא פיעלע פאַר איהם און פיעלע נאָך איהם האָט ער, דער יונגער משכיל, אָנגעהויבען מיט אַ קריטיק פון דער תלמוד־תורה. יענע ערשטע קאָרעספאָנדענץ אָדער אַרטיקעל איז ערשיענען אין ”המגיד„ אין אַפריל 1873. מיט אַ יאָהר שפּעטער דרוקט ער אין ”המגיד„ אויך זיין ערשטען סאַטירישען שיר ”חזיון ליל פורים„. שפּעטער שרייבט ער אַנדערע העברייאישע געדיכטע.

אין זעלבען יאָהר קומט פאָר אין ווינטשעווסקים לעבען אַ גרויסע פאַסירונג. ער פאָהרט אריבער אין דער רוסישער שטאָדט אריאָל און דאָרט באַקומט ער דיא ערשטע בעקאַנטשאַפט מיט דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. דער סאָציאַליסטישער רבי פון יונגען אידישען משכיל און העברייאישען פאָעט איז געוועזן א רוסע, אַ סעמינאַריסט, ד. ה. אַ צוקינפטיגער פּאָפּ. און דיא סאָציאַליסטישע ”שטונדען„ פלעגט דער סעמינאַריסט געבען דוקא אין דער פראַוואָסלאַוונער „ישיבה,“ אין סעמינאַריום.

בעצויבערט פון דער נייער תורה, בעגייסטערט פון דיא נייע שטרעבונגען, קעהרט ווינטשעווסקי זיך אום צוריק קיין קאָוונא. און געפינט דאָרט אין הויז פון דעם משכיל סנדר פארט דיא ערשטע סאָציאַליסטישע פראָקלאָמאַציע אין העברייאיש פון ליבערמאַנען: ”אל שלומי אמוני ישראל„. און אונטער דעם איינפלוס פון דיא פראָקלאָמאַציע באַשליסט זיך ווינטשעווסקי צו נעהמען פאַר ”פראַקטישע ארבייט„. צוזאַמען מיט פארטען און נאָך צוויי חברים, גרינדען זיי א פעראיין פאַר אָרימע קינדער זיי צו מאַכען פאַר גוטע בעלי־מלאכות.

צו האָט דער „פעראיין“ געהאַט א קיום, ווייסען מיר ניט. ווינטשעווסקין, איז יעדענפאַלס, ניט באַשערט געוועזן זיך צו האַלטען אָן דיא ”פראַקטישע„ ארבייט אין קאָוונא. אין נעכסטען יאָהר פערלאָזט ער קאָוונא, פאַרלאָזט ער רוסלאַנד און ווערט אַן עמיגראַנט.

ווינטשעווסקי איז אָנגעקומען אין קעניגסבערג אין יאָהר 1877. אין יענער צייט האָט קעניגסבערג, דיא גרויסע נאָהענסטע האַפענשטאָדט צו רוסלאַנד, געהאַט נאָך א גרויסע אינדיש־רוסישע בעפעלקערונג און אַ גרויסע אידיש־רוסישע סטודענטישע ”קאָלאָניע„ פון יונגע לייט מיט אידעאַלע שטרעבונגען, מיט דעם

רעוואָלוציאָנערן פייער און בעגייסטערונג. צווי־שען זיי האָט זיך געפונען אן איינגער קרייז פריינד פון דעם פּיאָניר פון אידישען סאָציאַ־ליזמוס, ליבערמאַן. און פון זיין ראַדקיל־סאָצי־אַליסטישען זשורנאַל,—"האמת„ וועלכען ער האָט ארויסגעגעבען אין וויען.

מיט זיי בעקענט זיך ווינטשעווסקי און נעהט אריין אין איינגע בעציהונגען צום „האמת“. ער ווערט דער קעניגסבערגער אַגענט פון זשורנאַל און האָט געדאַרפט ווערען זיין מיטאַרבייטער... ער האָט געזאָלט ארויסטרעטען דאָרט מיט אַ געדיכט "למי אני עמל„. דער „האמת“ איז אָבער פאַרבאָטען געוואָרען אונטער־דרעסען אין רוסלאַנד און ליבערמאַן האָט דעם נעכסטען העפט מעהר ניט ארויסגעגעבען.

דער „האמת“ האָט אין רוסלאַנד געהאַט אַן ערפאָלג. עס האָט זיך געוויעזען אז פאַר אַ ראַ־דיקאַלען זשורנאַל איז געווען פּלאַטץ אפילו אין העברייאיש. דאָס איז זעהר געפעלען געוואָרען דעם געשעפטסמאַן ראַדקינסאָן, דעם רעדאַק־טאָר פון „הקול“, וואָס איז ערשיענען אין קעניגס־בערג. און ראַדקינסאָן בעשליעסט ארויסצוגע־בען נעבען זיין קאָנסערוואַטיווען וואָכענבלאַט, אַ ראַדיקאַלען מאָנאַטליכען זשורנאַל, "אסיפת חכמים„, פאַר דעם רעדאַקטאָר פון דעם זשור־נאַל לאַדעט ער איין ווינטשעווסקין. און דיא פירמע ראַדקינסאָן איז געווען אזוי "כשר„ ביי דער רוסישער צענזור, אַז דער ראַדיקאַל־סאָצי־אַליסטישער "אסיפת חכמים„ ווערט אייניגע חדשים אריינגעלאָזען אין רוסלאַנד ביז ווינט־שעווסקים נאָמען הויבט אָן צו פיגורירען אַלס רעדאַקטאָר. דאַן כאַפּט זיך דיא צענזור, אַז "לא לנו הוא“, פאַרבאָט אויף דעם „אסיפת חכמים“ אין רוסלאַנד פאַר זיין שעדליכע סאָציאַליס־טישע ריכטונג„.

ראַדקינסאָן האָט גענומען אין זעלבען יאָהר ארויסגעבען אויף אַ זשאַרגאָנישע וואָכענבלאַט און דאָרט ערשיינט ווינטשעווסקים ערשטער זשאַרגאָן אַרטיקעל, אַ הומאָריסטישער הספּד אויף פּייטעלע דיא אָפענע האַנד„. אין יענער צייט האָט ווינטשעווסקי געטראָגען דעם ליטע־ראַרישען נאָמען בן־נץ. אויף דעם נאָמען משוגע'נער פּילאָזאָף נעמט ער אָן אין יענער צייט און הויבט אָן צו שרייבען זיינע "חזיונות„ אונטער דער אונטערשריפט "יגלי איש הרוח„.

דיא פּרייסישע לופט איז אויך געוואָרען צו שטיקענד פאַר דעם יונגען סאָציאַליסט, וועל־כער האָט אין דער צייט זיך נעהענטער בעקאַנט מיט'ן טהעאָרעטישען סאָציאַליזמוס און מיט דער דייטשער סאָציאַל־ דעמאָקראַטיע. דער גייסט פון רעאַקציאָן האָט גענומען זיך פאַר־שפּרייטען אין דיא רעגיערונגס קרייזען פון דייטשלאַנד בכלל און פון פּרייסען בפרט. דער שענדליכער געזעץ געגען דיא סאָציאַליסטען ווערט אָנגענומען. און אַלס איינער פון די ערש־טע קרבנות פון דעם נייעם געזעץ פאַלט אויף ווינטשעווסקי. דיא טורמע, אין וועלכער ער האָט געשוואָרען "דיא הייליגע שבועה צו קעמפּפען פאַר וואהרהייט און רעכט„ איז געווען אַ פּריי־סישע טורמע.

אין נאָוועמבער 1878 איז ער אַרעסטירט געוואָרען אונטער דער בעשולדיגונג "אין סאָצי־אַליסטישע און ניהיליסטישע פערשווערונג„. ער זיצט אין טורמע ביז מערץ 1879. דיא בעשול־דיגונג ווערט ניט בעוויעזען, אבער פון פּרייסען ווערט ער דאָך ארויסגעשיקט. איבער פּילאַו געהט ער קיין דענעמאַרק, ווערט אבער אין קאָ־פּענהאַגען ווידער אַרעסטירט. צום צווייטען מאָל בעפרייט, פאָהרט ער איבער לאָנדאָן קיין פּאַריז. אין פּאַריז האָט ער פרייהייט שוין גע־האַט גענוג. אבער דאָס איז געווען נור דיא פּראָ־לעטאַרישע פרייהייט. ער קעהרט זיך אום צו־ריק אין לאָנדאָן אין סעפּטעמבער 1879 און באַזעצט זיך דאָרט.

אין אַ יאָהר אַרום קומט אויך ליבערמאַן קיין לאָנדאָן און צוזאַמען הויבען זיי אָן צו פיהרען סאָציאַליסטישע אַגיטאַציאָן צווישען די לאָנדאָנער רוסיש־אידישע אַרבייטער. דיא ערש־טע אידישע סאָציאַליסטישע אַגיטאַציאָן! זיא איז ליידער אַ דורכפאַל, באַלד פאַרליערט ווינט־שעווסקי אויף דעם קאַמפּף—גענאָסע ליבער־מאַנען, וועלכער פאָהרט אין יאָהר 1881 אוועק קיין אַמעריקאַ און שטאַרבט דאָרט.

ווינטשעווסקי לאָזט אָפּ דיא הענד אויף אַ ווייַלע פון דער "פּראַקטישער אַגיטאַציאָנס אַרבייט“, און נעהמט זיך פאַר פּראָפּאַגאַנדאַ־אַרבייט. ער שרייבט אויף דיא ערשטע סאָצי־אַליסטישע אַגיטאַציאָנס בראָשורע פון אַ סעריע אונטער דעם נאָמען, "יהי־אור„ (עס זאָל ווערען ליכטיג). דיא בראָשורע איז פאַרטיג. עס איז אבער ניטאַ קיין געלד איהר צו דרוקען.

פיער יאָהר געהן אוועק ביז עס קען גע־מאַכט ווערען דיא ערשטע פּראָבע פון שריפט־ליכער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. און וויע־דער איז עס ווינטשעווסקי, וועלכער איז דער ערשטער צו גרינדען אַ אידישע סאָציאַליסטישע צייטונג „דער פּוילישער אידעל“. דער „אידעל“ ערשיינט אין יאָהר 1884. אין יענעם יאָהר ווערט אויך ענדליך געדרוקט דער "יהי אור„. אבער אויך דאָ איז דיא ערשטע פּראָבע אַ דורכ־פאַל.

ווינטשעווסקי פערליערט אַלץ ניט דעם מוטה. עס זיינען דערווייל שוין צוגעשטאַנען אויך נייע מענשען, יונגע קרעפטען. און אַלס קליינע גרופּע הויבען זיי אָן אין יאָהר 1885 ארויסגעבען דעם לאָנדאָנער "ארבייטער פריינד„.

דיא טהעאָרעטישע סאָציאַליסטישע אָנשויאונגען זיינען ביי דער גרופּע בכלל, וויא מען קען ארויסזעהען פון דעם „ארבייטער פריינד," ניט געווען קיין קלאָהרע, ניט קיין טיעפע. סאָציאַליסטישער גלויבען, פרייהייטס - שטרעבונגען, האס צו דיא אונטערדריקער און ליעבע צו דיא פערשקלאַפּטע און אונטערדריקטע, דאָס איז געווען דער סאָציאַליסטישער פונדאמענט פון „ארבייטער פריינד". און אויף דעם פונדאמענט האָט יעדער זיך געבויט אויף זיין שניט, ניט געהענדיג בעזונדערס טיעף און ניט בויענדיג באזונדערס הויך. אין „ארבייטער-פריינד" טרעטען איינע נאָך די אנדערע ארויס כמעט אַלע היינטיגע בליהענדע און אונטערגעגאנגענע עלטערע „שטערענס" פון דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. דער „ארבייטער פריינד" האָט געזאָלט זיין אונפּארטייאיש. ער איז אבער, וואָס ווייטער געוואָרען אַלץ מעהר אנארכיסטישער. און אויף דעם באָדען פון דיא צוויי שטרעבונגען : "אנארכיזמוס, אָדער אונפּארטייאישקייט" קומט ארויס א שפּאַלטונג אין אפּריל 1891, און ווינטשעווסקי, גאַלאָפּ, פייגענבוים, און באראנאָוו געהן ארויס פון דער רעדאקציאָן און גרינדען אין מאַי פון דעמזעלבען יאָהר דיא „פרייע וועלט", דעם ערשטען סטריקט סאָציאַליסטישען מאָנאַטליכען זשורנאַל אין אידיש.

דיא שלום ואחדות צווישען דיא נייע פריינד האַלט אויך ניט לאַנג. גלייך פון אָנפאַנג הויבט זיך אָן א פּאָלעמיק צווישען באראנאָוו און ווינטשעווסקי. שפּעטער דערוויסען מיר זיך פון זשורנאַל, וועגען א נייע רעדאקציאָן. „דיא פרייע וועלט" ווערט אויפגעגעבען אין יאָהר 1892 און עס הייבט אָן צו ערשיינען דער „וועקער", א וועכענטליכע צייטונג. זיא עקזיסטירט נור 11 וואָכען און געהט אונטער.

אין צוויי יאָהר ארום פּאַרלאָזט ווינטשעווסקי לאָנדאָן און קומט אריבער אהער אין ניו־יאָרק. ער ווערט אָנגענומען מיט א מערקווירדיגער בעגייסטערונג. ער הויבט אָן נעהמען אַנטהייל אין „אבענד בלאַט". אבער שוין אין נעכסטען יאָהר זעהן מיר איהם רעדאקטירענדיג דעם „אמת", „א וועכענטליכעס פאַמיליענבלאַט פיר ליטעראַטור און אויפקלעהרונג", ארויסגעגעבען פון „דער אידישער סעקציאָן ס. ל. פּ." און דיזעס „פאַמיליענבלאַט" ווערט מיט דער צייט אָן אָפּאָזיציאָנס בלאַט, א קאַמפּפס בלאַט. דיא פּאָליטיק און פּארטייִ סכסוכים, וועלכע מען האָט פון „אמת" געוואָלט ארויסטרייבען דורך'ן טהיר, איז ארויינגעשפּרונגען דורך'ן פענסטער.

פון „אמת" זיינען ארויס נור 37 נומערן. עס האָט אבער ניט געדויערט לאַנג און ווינטשעווסקי, צוזאַמען מיט אנדערע, גרינדען שוין א טעגליכע אָפּאָזיציאָנס בלאַט, דעם „פּאָרווערטס." אויך ביי'ם „פאָרווערטס" איז ער, וויא בעקאַנט, ניט געבליעבען שטעהן.

גרינדען אָפּאָזיציאָנס צייטונגען און נאכהער אוים אָפּאָזיציאָן, זיי פערלאָזען, דאָס איז, וויא דיא לעזער זעהן, אָן ערשיינונג, וועלכע ווידערהאָלט זיך מעהרער מאָל אין ווינטשעווסקים ליטעראַרישער לויפבאַהן. עס וואָלט אָבער געווען אויבערפלעכליך און אונגערעכט פון דיא ריין אויסערליכע פּונקטען צו ציהען וועלכע עס איז בעשטימטע שליסע, ניט אריינגעהענדיג טיעף אין דער זאַך. ווער ווייס דען ניט, אז א געזונדע אָפּאָזיציאָן איז עפּטער א גרויסע פּערדיענסט. דען נעמליך, ווען דיא בעוועגונג אליין איז קראַנק, און אז פון קראַנקע צושטענדע, ווייס דיא געשיכטע פון דער אידישער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין אמעריקא פיעל צו דערצעהלען, דאָס איז, דאכט זיך, פאַר קיינעם קיין סוד ניט.

דיא פּאַסירונגען זיינען צו נאָהענט צו אונז, אז מען זאָל שוין שרייבען זייער אונפּארטייאישע פּאָלשטענדיגע געשיכטע, און דאָס בעסטע איז דעם אורטהייל איבערצולאָזען אויף שפּעטערע צייטען, ווען די געגענוואַרט וועט ווערען געשיכטע.

* * *

דיא לאָנדאָנער יאָהרען זיינען פאַר ווינטשעווסקי'ן געווען זעהר פּראָדוקטיוו. ער שרייבט פיעל און שאַפט דעם גרעסטען טהייל פון זיינע בעסטע זאכען און פּראָזא אין פּאָעזיע. אויך אין אמעריקא ארבייט ער פון צייט צו צייט פלייסיג שאַפענד. אין יאָהר 1889 הויבט ער אָן דיא סעריע פון זיינע "צושלאָגענע געדאַנקען," וועלכע שטעלען איהם זאָפּאָרט אוועק אין דיא ערשטע רייהען פון דיא גלענצענדסטע אידישע סטיליסטען. אויך דורך זייער אינהאַלט זיינען דיא „צושלאָגענע געדאַנקען" געווען אָן איבעררעשענדע נייעס אין דער אידישער ליטעראַטור. דורך זייער בייסענדען וויטץ און לייכטער איראָניע, דורך זייערע וואונדערבאַרע „ווערטלאַך", דורך דיא צומישונג פון סקעפּטיציזמוס מיט טיעפען בייגקעניש אין דער פאָרמע פון א פּאָליטישער סאַטיריע, שטענדיג אין איין אויסגעהאַלטענעם שטרייגגען סאָציאַליסטישען גייסט, בלייבען דיא „צושלאָגענע גע-

דאַנקען״ ביז היינט אַן איינצעל־ערשיינונג אין דער ליטעראַטור.

פּאָליטישע סאַטירען אונטער דעם אַלגעמיינעם טיטול דיא „צושלאָגענע געדאַנקען„ זיינען אבער ניט דיא איינצעלנע פאָרמע פון ווינטשעווסקים ליטעראַרישער טהעטיגקייט, ניט דיא איינצעלנע פעסטע גרונדלאַגע פון זיין ליטעראַרישער גרויסקייט. ער שרייבט פיעל. פּרובירט שרייבען סקיצען. איבערזעצט ראָמאַנען. שרייבט פּובליציסטיק. דאָס אַלץ איז ביי איהם נור אַ טפל. דער צווייטער פונדאַמענט פון זיין גרויסקייט. אין זיין 18־טער משוגעת אין „אַרבייטער פריינד״ בעקלאָגט זיך אפילו ווינטשעווסקי: „קענט איהר מיר ניט ערקלעהרען לעזער, וויא אזוי קומט עס, אַז איך קען בשום אופן ניט אָנשרייבען אַ געדיכט? און איהר מעגט וויסען אַז גראַמען וואָלטען מיר ניט געפעלט״ און ער בריינגט אייניגע בעווייזע, אַז קיין גראַמען פעהלען איהם ניט. אָט האָט איהר אייניגע פון זיי:

יונגע הערצען — ליעבעס שמערצען
יונגע פרויען — זאָלט ניט טרויען
געלט — פעהלט
דרשנים — בטלנים
ציימונגס שרייבער — רכילות טרייבער
רוסישער קנוט — מענשליכע בלוט
אונאייניגקייט צווישען סאָציאַליסטען —
פרייד צווישען קאַפּיטאַליסטען.

דאָך אויך דער „סוד״ איז ניט ריכטיג „נתגלה״ געוואָרען. ווען דער משוגע'נער פילאָזאָף״ האָט זיך אזוי בעקלאגט, האָט זיין „פריינד מאָרים ווינטשעווסקי״ שוין געהאט אָנגעשריעבען א סך פון זיינע בעסטע ליעדער, וועלכע זיינען אויך געווען באַהנברעכענד אלס דיא ערשטע אידישע סאָציאַליסטישע ליעדער, דיא ערשטע ארבייטס און קאַמפף'ס ליעדער:

נאָך דאַן, ווען פון א אידישער סאָציאַליסטישער בעוועגונג האָבען זיך קוים באַוויעזען די ערשטע שוואַכע סמנים, האָט דער פּאָעט ווינטשעווסקי מיט פריידע און בעגייסטערונג געשריעבען זיין ליעד „עס ריהרט זיך״ פאַר די צוקונפטיגע, אידיישע סאָציאַליסטישע ארבייטס־מאַסען.

„הערט איהר קינדער וויא עס ריהרט זיך,
וויא עס ריהרט זיך איבעראל?
וויא דער ארבייטס מאַן מוסטירט זיך,
צו דעם קאַמפף מיט קאַפּיטאל!״

און דער „פרייהטס גייסט״ וואָס ווערט היינט געזונגען אין פרייד און קאַמפף פון צעהנדליגע טויזענדער בונדיסטישע רעוואָלוציאָנערע ארבייטער און ארבייטערינען. אָט דיא „אידישע מאַרסעליעזע״ איז געשאַפען געוואָרען מיט פיעל יאָהרען פריהער, פאַר דעם „בונד״

„אין דיא גאסען, צו דיא מאסען
פון בעדריקטע פעלקער־ראסען
רופט דער פרייהייטס גייסט:
„איך ברייננג וואפען — פאר דעם שלאפען
איך בעפריי דיא ארבייטס שקלאפען
און איך מאך זיי דרייסט!״

אָט דער, פרייהייטס גייסט, וואָס שוועבט דורך אַלע ווינטשעווסקים ליעדער, אָט דאָס איז וואָס מאַכט דעם פּאָעט ווינטשעווסקי פאר אונז אזוי בעליעבט, פון אונז אזוי געאַכטעט.

געוויס, ווען מען זאָל נעהמען קוקען און אַנאַליזירען ווינטשעווסקים ליעדער פון דעם „העכערן״ שטאַנדפּונקט—צו וועלכען דיא מייסטען פון אונזערע נייעסטע דיכטער שטרעבען—פון דעם שטאַנדפּונקט פון „ריינער״ קונסט און פּאָעטישע שעהנהייטען, דאַן וועט מען אין זיי האָבען פיעל פיעל אויסצוזעטצען, אבער ווינטשעווסקי האָט קיין מאָל ניט געשטרעבט צו יענער סאָרט „הויכקייט״. ער האָט מיט אָפענע אויגען, מיט דיא אויגען פון אַ פּראָלעטאַרישען דיכטער, געקוקט אויף זיין פּאָעזיע. ער האָט אויך זיין פּאָעטישען טאַלאַנט געשטעלט אם דיענסט פון דער ארבייטס זאַך.

„פון אידישע ווערטער אלטמאָדישע,
פון איינפאכע רייד אָן א קלאנג,
פון ווערטער אָפט וועניג מעלאָדישע
פערפאס איך מיין פּראָסטען געזאנג.

— — — — — — — — — — — —

דאָך מאך איך דיא ליעדער צום זינגען ניט
א זיפץ איז פאר זיי הארמאָניע;
דארום מאַט ניט אויס, אויב זיי קלינגען ניט
און אויב אין זיי פעהלט מעלאָדיע.

— — — — — — — — — — — —

זיי זיינען דער אָבקלאנג פון טעגליכע,
פערשטיקטע געשרייען פון פאָלק;
דאָס מאכט דיא מוזיק פאר א קלעגליכע,
דעם טעקסט — פאר א זיפץ אָהן א טאָלק.

— — — — — — — — — — — —

און בלייבען זיי, אויך ניט געזונגענע,
אָ גלויבט מיך, איך בין אויף זיי שטאָלץ:
זיי שרייבט ניט א פען, א געדונגענע,
איהר האלט ניט א הענטעל פון האָלץ...

* * *

וויא לאנג נאָך דיא קנעכטשאפט וועט דויערן,
ווער־ווייס, אך, ווער ווייס נאָך וויא לאנג?
איך ווייס נור, אזוי לאנג וועט טרויערן,
מיין ליעד מיט איהר יאָמער־געזאנג.״

אַט אזוי קלאָהר האָט ווינטשעווסקי גע־קוקט אויף זיין אויפגאַבע אַלס פּאָעט. דער דיכטער, און דער מענש, דער פּראָלאַטאריער און דער סאָציאַליסט זיינען ביי איהם די גאַנצע צייט געווען מיט קיין פערשיעדענע, מיט קיין צוטהיילטע זייטען פון זיין לעבען און טהע־טיגקייט. זיינע אַלע פעהיגקייט, זיינע גאַנצע כחות האָט ער געווידמעט דער ארבייטס זאַך. און איהר איז ער געבליבען טריי זיין גאַנצען לעבען, אין זיין גאַנצער לאַנגער ליטעראַרישער און דיכ־טערישער קאַריערע. ניט לייכט איז ווינטשעווס־קין אָנגעקומען די טרייהייט, דער פעסטער גלויבען, די קאַמפּס לוסטיגקייט. שוין נאָך דער ערשטער „שפּאַלטונג" אין לאָנדאָן, אין ערשטען נומער פון „די פרייע וועלט" זיינען אויף איהם אָנגעפאַלען מינוטען פון „פער־צווייפלונג", ווען פון זיין פעדער האָבען זיך ארויסגעגאָסען פאָלגענדע הערצרייסענדע קרעכ־צען :

„א צופאַל, א שיקזאל, א גאָט — ווער דו ביסט,
נעהם אלעס פון מיר, נעם און גיב עס ניט ווידער,
נעם אלץ, וואָס מיין לעבען ערפרייט און פערזיסט,
נעם אלץ, אויב דיך ערגערט מיין גליק און
פערדריסט
נור לאָז מיר די ליעבע צו זיי—מיינע ברידער !
נעהם פריידען, גיב ליידען, נור ווענד אָפּ זיין שטן

נור לאָז מיך פון זיין האנט ניט ווערן געשטויניגט
ניט לאָז איהם, אָ שיקזאל, צושטערען אליין,
א ליעבע פון יאָהרען, אַ בונד שטארק און ריין,
וואָס האָט אונז געהאלטען אזוי לאַנג פעראייניגט".

דאָס זיינען אָבער געווען נור מינוטען פון פערצווייפלונג. נאָך אַזוינע מינוטען פלעגען ווי־דער קומען יאָהרען פון ליעבע, פון קאַמפּף, פון האָפנונג און גלויבען . . .

דאַן פלעגט ווינטשעווסקי „קלעטערן וויי־טער אויף דעם בארג. איהם קימערן ניט די שוועריגקייטען, איהם שרעקען ניט די געפאה־רען." — דאַן האָט ער געזונגען :

„איך לאך פון יעדען וועטער,
און קלעטער מיר און קלעטער,
אלץ העכער אויפ'ן בארג."

„איך בין לוסטיג, ווייל איך ליעב. איך מאַך שטעהענדיג אויפ'ן בארג, צייטענווייז, א פעה־לער־שריט, אָבער איך וויים מיין ציעל און געה צו איהם מיט אַ פרעהליכען האַרצען."

אָט אזאַ האָפנונגספאָלען קאַמפּפס־לוסטי־גען שאַפענדען „זיידען" פון דער אידישער סאָ־ציאַליסטישער ליטעראַטור און פון דער אידי־שער סאָציאַליסטישער בעוועגונג, האָפען מיר נאָך צו זעהען לאַנגע, לאַנגע יאָהרען !

דר. ק. פאָרנבערג.

און ווען דער פריהלינג האָט בעגריסט.

און ווען דער פריהלינג האָט בעגריסט
מיט ליעבע אונזער וועלט,
דאַן האָט זיא בלומען איינגעפלאנצט
אַרום איהר ווייסען צעלט.

מיט ציטערדיגע הענד, האָט זיא
די קערענדלעך געזעצט,
מיט שווערען אומעט זיי בעטראכט,
מיט טרעהרען זיי בענעצט.

„אוי, ליעבע קערענדלעך" — האָט זיא
געזיפצט אַ געבעט —
„אוי, זעהט די קוויטען זאָלען נאָר,
ניט אויפבליהען צו־שפּעט ! . . ."

„שלאָגט גיך די וואָרצלען אין די ערד,
די שטיינגלעך שיסט אַרויס ; —
אוי, מיר צולעבען איז בעשערט,
נאָר טעג געצעהלטע בלויז!.."

די קערענדלעך זיי האָבען איהר
בקשה ניט געהערט :
זיי האָבען זיך אַ היבשע צייט
פערווײילט אונטער די ערד.

איצט האָבען זיי אַרויפגעשיקט
א שעהנע בלומען - בעט —
נאָר, אַך, געקומען זיינען זיי,
פאַר איהר צו שפּעט, צו שפּעט!..

יעקב מאַרינאָוו.

סאַניטאַריום דזש. ק. ר. ס. דענווער, קאָלל.

דער דזשאנגל.

1.

„דער דזשאָנגל“ פון אָפּטאָן סענקלייר איז איינער פון דיא מערקווירדיגסטע ביכער וועלכע זיינען ווען עס איז ערשיענען אין אמעריקא, און האָט געהאַט דעם מערקווירדיגסטען שיקזאַל פון אירגענד וועלכען בוך וועלכער איז ערשינען פאַר דער לעב־צייט פון היינטיגען דור. ביידע, דער בוך און זיין שיקזאַל, זיינען טיפּיש־אַמעריקאַניש. נאָר אין אַמעריקאַ האָט אַזאַ בוך געקאָנט האָבען אַזאַ שיקזאַל. נאָר אין אַמעריקאַ, וואו דער קאַפּיטאַליזמוס האָט זיך אין דער לעצטער צייט ענטוויקעלט שנעלער און טיפּישער אַלס אין אירגענד וועלכען אַנדערן לאַנד אין דער וועלט, האָט אָבער נאָך ניט אויספּייעט ארומצוכאַפּען דאָס גאַנצע לאַנד אין דערזעלבער מאָס; וואו מיר ליידען, ביז צו אַ געוויסען גראַד, וויא ענגעלס האָט אַ מאָל געזאָגט וועגען דייטשלאַנד, צו דערזעלבער צייט פון צופיעל קאַפּיטאַליזמוס און צו ווייניג קאַפּיטאַליזמוס; וואו דיא אַרבייטער קלאַסע איז אַ פּראָלעטאַריער־קלאַססע, אָבער אָהן פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערע טראַדיציאָנען, געוואָהנהייטען און אידעען; קורץ, נאָר אין אַמעריקאַ, וואו דער קאַפּיטאַליזמוס איז, ערטער־ווייז, מעהר ענטוויקעלט וויא אין אירגענד וועלכען אַנדערן לאַנד פון דער וועלט, און וואו דאָס לאַנד האָט נאָך אַן אַלט־פּרענקישע רעגירונגס־פאָרמע וועלכע ערשווערט דעם קאַמפּף מיט דיא נאַטירליכע אויסוואוקסע פון׳ם קאַפּיטאַליזמוס אפילו ווען עס וואָלט געוען ווער עס זאָל דיזען קאַמפּף פיהרען, און וואו דיא מאַכט וועלכע דאַרף דיזען קאַמפּף פיהרען איז נאָך ניט ענטוויקעלט; נור אין דיעזען לאַנד קען דער „דזשאָנגל“ וועלכען סענקלייר בעשרייבט עקזיסטירען אין זיין פולער נאַטירליכער ווילדהייט און רויהייט. און נאָר אין דיעזען לאַנד פון׳ם אַללמעכטיגען דאָלאַר, סענסאַציאָן און רעקלאַמע, וואו דיא גרעסטע ליטעראַרישע טאַלענטען זיינען פערדונגען און פערקויפט מיט לייב און לעבען, צו קאַפּיטאַליסטישע פּאָבלישערס און אַדווערטייזערס; וואו אַדווערטייזמענטס ווערען געשריבען ליטעראַריש און ליטעראַטור אַדווערטייזעריש; וואו דיא גרויסקייט פון אַ שרייבער ווערט געמאָסטען נאָכ׳ן צאָהל פון זיינע לעזער און דער ליטעראַרישער ווערט פון אַ בוך נאָכ׳ן צאָהל דאָלאַרס וואָס דער שרייבער קריגט דערפאַר; וואו קאַפּיטאַליסטען מאַכען אַ געשעפט פון סאָציאַליזמוס און סאָציאַליסטען קריגען זייערע אידעאַלען פון קאַפּיטאַליסטישע געשעפטען, נור אין דיעזען לאַנד פון׳ם אַללמעכטיגען דאָללאַר, סענסאַציע און רעקלאַמע, האָט דער „דזשאָנגל“ געקאָנט קריגען דיא אויפנאַהמע און האָבען דעם „ערפאָלג“ וועלכען ער האָט געהאַט.

דער „דזשאָנגל“ וועלכען סענקלייר בעשרייבט איז דיא אַמעריקאַנישע אויפלאַגע פון׳ם אינטערנאַציאָנאַלען קאַפּיטאַליזמוס. דער קאַפּיטאַליזמוס „ריין און אונפערפעלשט“, נאַקעט וויא דיא מאַמע האָט איהם געהאַט, אָדער וויא גאָט האָט איהם בעשאַפען, אָהן דעם פייגענבלאַט פון „סאָציאַל־רעפאָרם“ מיט וועלכען ער פערדעקט זיין גרעסטע שאַנדע אין דיא לענדער, וואו דיא ענטוויקלונג פון דער אַרבייטער־קלאַסע האָט איהם געגעבען צו פערזוכען פון דעם עץ הדעת.

און שרייבען שרייבט סענקלייר מיט אַזאַ געוואַלדיגען טאַלאַנט דאָס דיעזער „דזשאָנגל“ קומט אַרויס פון אונטער זיין פעדער אַ לעבעדיגער. דיא קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט וועלכע ער מאָלט קומט ביי איהם אַרויס לעבעדיג מיט אַלע איהרע רמ׳ח אברים און שס׳ה גידים. אויף זיין בילד קענט איהר שטודירען דיא אַנאַטאָמיע, פיזיאָלאָגיע, און אויך דיא פּסיכאָלאָגיע פון דער געזעלשאַפט וועלכע ער שטעלט פאָר. ער בעשרייבט ניט דאָס לעבען פון איינצעלנע פּערזאָנען, און איהר דאַרפט ביי איהם דערפאַר ניט זוכען קיין טיעפע „פּסיכאָלאָגישע מאָמענטען.“ דאָס הייסט ניט אַז ביי איהם איז ניטאָ קיין פּסיכאָלאָגיע, זאָנדערן דאָס זיין פּסיכאָלאָגיע איז אַן עלעמענטאַרע, אַלל־מענשליכע, ניט קיין יאַפינירטע, זיינע „העלדען“ זיינען ניט קיין אינדיווידואַליטעטען, זאָנדערן טיפּען. איהר בעגעגענט זיי אויף יעדען טריט און שריט ביי דיא טויזענדער און הונדערט־טויזענדער. ער בעשרייבט אונז ניט זייער אינערליך־פּסיכאָלאָגישעס לעבען, ווייל זייער איננערליך־רעפלעקטיוועס לעבען איז ניט גענוג ענטוויקעלט אום צו זיין אינטערעסאַנט. זיי דענקען זעהר ווייניג, כמעט גאָר ניט. איבערהויפּט איז זייער איננערליכעס לעבען אַזוי אָרעם דאָס ווען עס וואָלט זיך זיי פון צייט צו צייט ניט געטראָפען עפּעס אַ סיבה, וואָס רייסט זיי אויף אַ ווײַלע אַרויס פון זייער געוועהנליכען, אַלל־טעגליכען קאַפּי־

טאַליסטישען לעבען, וואָלט מען געקענט מיינען דאָס זיי זיינען איבערהויפּט ניט קיין מענשען, זאָנדערן „שטומע" לאַסט־טהירען. און ווען אַזאַ סיבה טרעפט זיך זיי שוין אַ מאָל, און עס ערוועקט זיך אין זיי אַ פונק פון ווירקליכען לעבען, איז זייער פּסיכאָלאָגיע אַ העכסט איינפאַכע, עלעמענטאַרע. און אַזוי איז אויך דאַן זייער האַנדלען.. אַזוי, געוועהנליך, האַנדלען זיי איבערהויפּט ניט. עס טרעפט זיך זיי בלויז. אָט פון דיזע טרעפעניש ען בעשטעהט זייער גאַנצער, אונאינטערעסאַנטער לעבען.

און פון דער בעשרייבונג פון דיזע אונאינטערעסאַנטע לעבענס בעשטייט סענקלייר'ס מערקווירדיג־אינטערעסאַנטער בוך. דאָס אינטערעסאַנטע אין'ם בוך איז אָבער ניט דיא לעבענס־בעשרייבונג פון דיא איינצעלנע פּערזאָנען וועמעס נעמען ווערען דערמאָהנט אין'ם בוך, זאָנדערן דיא לעבענס־בעשרייבונג פון דיא מאַססען פּערזאָנען וועמעס לעבען עס ווערט דאָרטען בעשריעבען, אָבוואָהל זייערע נעמען ווערען דאָרט ניט דערמאָהנט. דיא מאַססען— „פּערזענליכקייטען" פון אונזער אינדיווידואַליסטיש־קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט וועלכע זיינען צאָהלרייך אָבער נאַמענלאָז, וועגען וועמעס יחוס מען שרייבט אפילו אין די צייטונגען בלויז מיט ציפערן: „10 טויזענד סטרייקען", „500 מיינער פערשאָטען מיט ערד!"

דערפאַר איז סינקלייר'ס סטיל, געוועהנליך אַ רוהיגער, איינפאַכער, עכט עפּישער, אָבוואָהל דיא בעגעבענהייטען און צושטענדע וועלכע ער בעשרייבט זיינען הערץ־רייסענד, שוידערהאַפט. און אין דיזען איינפאַכען סטיל בעשרייבט ער איינפאַך, אָבער קלאָהר און דייטליך, דאָס גאַנצע לעבען פון אונזער אמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אַזוי קלאָהר און דייטליך איז ביי איהם דיזע געזעלשאַפט בעשריבען, דאָס אפילו אַ בלינדער קען, דאַכט זיך, דערזעהן, אָבער „קיינער איז ניט אַזוי בלינד וויא דיא וואָס ווילען ניט זעהן." און אונזער אמעריקאַנער „ליטעראַטור־קריטיק" האָט בעוויזען דיא בריה'שאַפט ניט צו זעהן וואָס סינקלייר האָט אַזוי קלאָהר, אַזוי דייטליך, און אַזוי בולט אָנגעשריעבען! איבריגענס קען זיין, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס סינקלייר האָט געהאַט אַזאַ גרויסען „ערפאָלג". אָדער אפשר האָט ער געהאַט דעם „ערפאָלג" ווייל זיי האָבען דאָס ניט געזעהן. יעדענפאַלס האָט זיך אין'ם געטומעל און גערויש פון זיין ערפאָלג זיין בוך — דאָס איננערע וועזען און גרויסקייט פון'ם בוך, דאָס וואָס עס וועט אויסמאַכען זיין ליטעראַרישען רוהם,— אין גאַנצען פערלאָרען.

אַן ערפאָלג האָט סינקלייר געהאַט אַ'ן אויסערגעוועהנליכען און טיפּיש־אמעריקאַנישען. וואָכען לאַנג זיינען דיא טעגליכע צייטונגען געווען פולל מיט איהם און מיט דעם וואָס ער זאָגט, און מיט דעם נאָמען פון זיין בוך — אַללעס כהלכות הסענסאַציאָן, אַזוי וויא ער וואָלט געווען אַ פּרייז־פייטער באַלד נאָך אָדער פאַר אַ פייט, אָדער אַ „פּעשיאָנייבל" מערדער. אָבער דיזער ערפאָלג איז געווען איינער פון יענע ערפאָלגען וועגען וועלכע דער אַלטער קריעגער פּיררוס האָט געזאָגט: „נאָך אַזאַ ערפאָלג און מיר וועלען זיין פערניכטעט". דיזער סענזאַציאָנאַלער ערפאָלג איז געווען דאָס ערגסטע וואָס האָט געקאָנט פּאַסירען סענקלייר — דעם געניאַלען קינסטלער, און דעם „דזשאָנגעל" — דעם גרויסען ליטעראַרישען מייסטערווערק.

בעשרייבענדיג די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט מיט איהרע כראָנישע ארגאַנישע קראַנקהייטען וועלכע ריכטען זי צו גרונדע, האָט סינקלייר אויך בעשריבען אַ'ן אייטערדיגען בלאָטער וועלכער זיצט אויף אַ געוויסען טייל פון דיזען געזעלשאַפטליכען קערפּער. — דיא ניעדערטרעכטיגע שווינדלען וואָס פלייש־טראַסט קאַפּיטאַליסטען בעגעהען געגען דעם „עולם", נעהמענדיג זיינע גוטע געלט און האָדעוועענדיג איהם דערפאַר מיט פאַר'מיאוס'טע, פאַר'עיפּוש'טע און אונגעזונטע פלייש. דיא בעשרייבונג פון דיזען שווינדעל, פּיעללייכט אַ וויכטיגע אַנגעלעגענהייט אַן און פיר זיך, האָט מיט'ן עיקר אינהאַלט פונ'ם בוך גאָר ניט צו טהון, און שאַדעט איהם זעהר שטאַרק אַלס אַ קונסטווערק.

אָט דיזע בעשרייבונג האָט עס אויפגערודערט דיא גאַנצע וועלט. אַז הונדערטע און טויזענדע ארבייטער ווערען יעהרליך צוקאַליעטשעט און גע'הרג'עט, שטאַרבען פון טשאַכאָטקע, הונגער און קעלט, און דאָס אַללע ארבייטער פיהרען אַ לעבען, וועלכער איז פּיעללייכט שרעקליכער וויא דער טויט, דאָס האָט קיינער ניט בעמערקט, ווייל דאָס איז דאָך קיין נייעס ניט. דאָס איז דאָך דער געוועהנליכער „אָרדער אָוו ביזנעס," דער דרך המדינה, אָבער אַז דער „עולם" זאָל קריגען פוילע פלייש וועלכע קען שאַדען זיין געזונדהייט פאַר זיינע „גוטע געלד" איז אַ שרעקליכער פאַרברעכען.

ערשטענס, בעשטייט דאָך דער „עולם" ניט פון בלויז ארבייטער. צווייטענס, לעבען מיר אין אַ פרייער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. וואו אַללע זיינען גלייך (טהעאָרעטיש) פאַר'ן געזעץ און אין קראָם. אַלס אַ קונד וואָס בעצאָהלט „גוטע געלד" פאַר אַן פּראָוויאַנט איז דער אַר־

בייטער בערעכטיגט צו קריגען ריכטיגע און ניט קיין פערפעלשטע סחורה, נאָך אללע קאפּיטאַליסטישע דינים. און דריטענס, איז עס אבזאָלוט נעטהיג פאר א ריכטיגער קאפּיטאַליסטישער געזעלשאפט דאָס „ביזנעס" זאָל געפיהרט ווערען „ראיעל" אָהן שווינדעל. און דיא צושטענדע וועלכע עקזיסטירען אינ'ם פלייש-געשעפט, נאָך סינקלייר'ס בעשרייבונג, זיינען א שווינדעל פון'ם קאפּיטאַליסטישען שטאנדפונקט. קיין וואונדער וואָס די קאפּיטאַליסטישע וועלט האָט זיך אויפגערודערט. עס איז אויך קיין וואונדער ניט וואָס דיזער אונוויכטיגער טייל פון סינקלייר'ס וויכטיגען בוך איז געווען דער איינציגער, וועגען וועלכען אונזער קאפּיטאַליסטישע פרעססע האָט געהאלטען אין איין פויקען. און דאָס פויקענדיג וועגען דיזען טייל, האָט זיא גאנץ

Upton Sinclair.

פארגעסען, אָדער געוואָלט מאכען אנדערע פארגעסען, וועגען דעם עיקר הדבר, דעם גאנצען בוך און דיא קאפּיטאַליסטישע געזעלשאפט וועלכע ווערט אין איהם אזוי קינסטלעריש אָבגעמאָהלט.

אויף וואָס מען קען זיך יא וואונדערן, איז, זויא אזוי דיא סאָציאַליסטישע פרעססע האָט אויפגענומען דיזע מערקווירדיגע ליטעראַרישע ערשיינונג. דיא מעהרסטע סאָציאַליסטישע צייט-שריפטען האָבען אין זייערע רעצענזיעס איבער'ן „דזשאָנגל" איינפאך נאכגעבאמקעט די קאפּיטאַליסטישע שרייבער — אויף א סאָציאַליסטישען אופן, נאַטירליך. זיי האָבען ניט אויפגעהערט צו קלאפּען א מוח וועגען „דזשאָנגל ביף", און נאָך אזעלכע וויכטיגע ענינים, און קיינעם פון זיי איז אפילו ניט אנגעפאלען דער געדאַנקען, דאָס אייגענטליך איז „דזשאָנגל-ביף" ניט מעהר וויא א צוצפּעניש צום „דזשאָנגל", און אז וואָס מעהר טאַראַראַם מען מאכט איבער „דזשאָנגל ביף", אלץ וויינינגער וועט מען הערען

וועגען דעם ווירקליכען „דזשאָנגל“. אייניגע האָבען זיך אפילו געפּרובירט שטעלען אויפ'ן סאָציאַליסטישען שטאַנדפּונקט און האָבען גענומען ריידען וועגען דיא „דזשאָנגל“ ארבייטער נעבען דעם „דזשאָנגל ביף.“ אָבער זיי זיינען געבליבען האפטען אויף דער אויבערפלעכע, און עס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען אריינצודרינגען אינ'ם עיקר הדבר, דאָס ארויסגרייפען און ערקלערען פון דער אמעריקאַניש־קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט וויא סינקלייר מאָהלט זי, ווייל זיי האָבען ניט בעגריפען דעם גרויסען קינסטלערישען ווערטה פון'ם בוך, דאָס גרויסע, גראַנדיאזע קינסטלערישע בילד וואָס סינקלייר מאָלט אין זיין בוך.

נאָך דיזע סאָציאַליסטישע קריטיקער קומט אויס, אז סינקלייר'ס פערדיענסט בעשטייט אויך אָדער הויפּטזעכליך, אין דעם וואָס ער האָט זעהר טאַלענטפאָל בעשריבען וויא אזוי דיא קאַפּיטאַליסטען פון'ם ביף־טראָסט מארטערן זייערע ארבייטער — פּונקט וויא נאָך דיא קאַפּיטאַליסטישע קריטיקער בעשטייט זיין פערדינסט אין דעם וואָס ער האָט בעשריבען וויא אזוי דיעזעלבע קאַפּיטאַליסטען בעשווינדלען דעם עולם. עס איז אַלץ געבליעבען א בעשרייבונג פון „ביף־טראָסט,“ „פּעקערס“, „פּעקינג־אינדוסטרי,“ און „פּעקינג־טאַון,“ מיט זייערע ספּעציעללע, לאָקאַלע אומשטענדען. און עס איז פאַר זיי געבליבען א סוד עד היום, דאָס דער „דזשאָנגל“, וועלכען סינקלייר האָט אָבגעמאָהלט איז ניט „פּעקינג־טאַון“ זאָנדערן דיא גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט. א אידיש־סאָציאַליסטישע צייטונג האָט זאָגאר אויסדריקליך געלאָזט וויסען דורך דעם מיטאַרבייטער, וועלכער ערקלערט פאַר איהרע לעזער דיא פּאַסירונגען פון דער ליטעראַרישער וועלט, דאָס דער „דזשאָנגל“ איז אין אמת'ן „ניט מעהר וויא א קאָפּיע פון א געוויסען פינסטערן און שוידערהאַפטען ווינקעל“ פון'ם קאַפּיטאַליסטישען לעבען. וויא אונוויסענד דיזער, מיט רעספּעקט צו מעלדען, „ליטעראַטור־קריטיקער,“ איז אין ליטעראַטור און אין דער וועלט. ווי ווייניג ער פערשטעהט פון דער קינסטלערישער בעדייטונג פון'ם דזשאָנגל און פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט וועלכע ווערט אין איהם אָבגעמאָהלט!

דער לעזער מוז אָבער ניט דענקען, דאָס די אונוויסענהייט פון דיזען ליטעראַטור־קריטיקער, אָדער פון דער רעדאַקציע פון דער צייטונג, וועלכע האָט איבערגעגעבען די ליטעראַרישע וועלט אויף זיינע הענט, איז א'ן אויסערגעוועהנליכע, אויסנאַהמהאַפטע. גראַדע פאַרקעהרט, דאָס איז דיא געוועהנליכע, מען קען זאָגען קלאַססישע, אונוויסענהייט וועלכע הערשט ביי אונזערע סאָציאַליסטען, סיי אידישע סיי ניט־אידישע, און וועהרענד די אנדערע סאָציאַליסטישע קריטיקער האָבען אזא מיינונג ניט ארויסגעזאָגט אויסדריקליך, האָבען זי זייערע לעזער ארויסגעזאָגט, ווייל זיי האָבען פערפעהלט צו ערקלעהרען דעם עיקר פון'ם „דזשאָנגל“ — וויא אזוי דיא קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט ווערט דאָרטען אָבגעמאָלט, וויא מיר וועלען עס בעווייזען אין נעקסטען נומער.

ל. בודיאַנאָוו.

דיא אידישע אימיגראציאָן און דיא אימיגראציאַנס געזעצען

פון דר. י. מ. רובינאָוו.

1

א ביסעל סטאַטיסטיק וועגען דיא אידישע אימיגראציאָן.

מען איז געוואָהנט אָבצולאַכען פון סטאַטיסטיק. פון ציפערן כאַפּט מען גענעצען. מיר מוזען אָבער אָנקומען צו דער סטאַטיסטישער מעטאָדע, כדי אָנצואווייזען אויף דיא הויפּטפאַקטען פון דער אידישער אימיגראציאָן.

דיא מאַססען אויסוואַנדערונג פון דיא מזרח־אייראָפּעאישע אידען קיין אַמעריקא, האָט זיך אָנגעהויבען מיט פינף און צוואַנציג יאָהר צוריק. דיא אורזאַכע פון דיעזער עמיגראציאָן זיינען גענוג בעקאַנט און נויטיגען זיך ניט אין קיינע ערקלעהרונגען. דער שטראָם פון דיא אידישע אימיגראַנטען ניט נאָר פון רוסלאַנד, זאָנדערן אויך פון עסטרייך (גאַליציען) און פון רומעניען, בייט זיך פון יאָהר צו יאָהר אונטער דעם איינפלוס פון צוויי קרעפטע: דיא לאַגע פון דיא אידען אין זייער אַלטער היימאַט און דיא עקאָנאָמישע צושטענדע אין אמעריקאַ. און אזוי וויא מיט אויסנאַהמע פון דעם שווערען קריזיס פון דיא יאָהרען 1893—1895, איז דיא עקאָנאָמישע לאַגע פון דיא פעראייניגטע שטאַאַטען געוועזן ניט שלעכט און אין אייראָפּא האָבען דיא אידען ניט אויפגעהערט צו ליידען, דערפאַר האַלט דיא אידישע אימיגראציאָן אין איין וואקסען.

דיא צאהל פון דיא אידישע אימיגראציאָן ווערט פערשריעבען ערשט פון יאָהר 1899. ביז יענער צייט פלעגט מען פרעגען ביי דיא אימיגראַנטען בלויז פון וועלכע לאַנד זיי זיינען געקומען.

דיא אמעריקאַנער בעאַמטע האָבען זיך ניט אינטערעסירט ניט מיט דער רעליגיאָן, ניט מיט דער נאַציאָנאַליטעט פון דיא־אימיגראַנטען.

נאָר בשעת מען האָט אָנגעהויבען צו רעדען אין וואשינגטאָן וועגען גוטע און שלעכטע אימיגראַנטען, האָט מען אויך אָנגעהויבען צו אינטערעסירען זיך מיט פראגען וועגען נאַציאָן און אבשטאַמונג.

אין דיא צייט וואָס דיא ציוניסטען מיט דיא סאָציאַלדעמאָקראַטען האָבען זיך אַרום געקריגט וועגען דער פראַגע, „אויב דיא אידען זיינען אַ נאַציאָן אָדער ניט?" האָט דיא אימיגריישאָן־ביורא אין וואשינגטאָן גיך געלייזט דיעזע פראגע, ניט פרעגענדיג זיך ביי אידען. צו פערדאנקענדיג דיעזען אומשטאַנד, האָבען מיר אַ סטאַטיסטיק אָנהויבענדיג פון יאָהר 1899 ; אונגעפעהר קענען מיר אָבער אויסרעכענען אויך דיא צאהל פון דיא אידישע אימיגראַנטען פאַר דיעזער פעריאָדע, ווייל מיר וויסען, אַז פון אַלע רוסישע אימיגראַנטען האָבען דיא אידען אויסגעמאַכט צוויי דריטעל, אַז פון עסטרייך זיינען דיא אידישע עמיגראַנטען געוועזן אַרום 20 פּראָצענט און אַז פון רומעניען זיינען כמעט אַלע עמיגראַנטען געוועזן אידען.

אין יאָהר 1881 זיינען אָנגעקומען פון רוסלאַנד אין אמעריקאַ אַרום 5 טויזענד אידען. דיעזע צאהל איז שנעל געוואַקסען און אין יאָהר 1891 איז שוין דיא צאָהל זייערע געוועזן 28 טויזענד ; אין יאָהר 1892, נאָך דיא פערפאָלגונגען פון יאָהר 1891, איז דיא צאהל געוועזן מעהר וויא 50 טויזענד. וויא דער קריזיס האָט זיך דאָ אָנגעפאנגען, איז דיא צאָהל אַראָבגעפאַלען אויף 25 טויזענד און אין יאָהר 1897 זיינען געקומען פון רוסלאַנד אין גאַנצען 15 טויזענד. נאָכהער אָבער אין דער פעריאָדע פון „פּראָספּעריטי" האָט זיך דיא אידישע אימיגראַציאָן שנעל פערגרעסערט. מיט איניגע יאָהר שפּעטער זיינען אין רוסלאַנד אָנגעקומען דיא שרעקליכע פּאַסירונגען פון קישינעוו, מאהילעוו, נאָכהער אַדעס. און דיא צאהל פון דיא אידישע אימיגראַנטען אין יאָהר 1903 איז אַרויפגעשטיעגען ביז 48 טויזענד. אין יאָהר 1904 ביז 77,544, און אין יאָהר 1905 ביז 92,388.

אין גאַנצען זיינען אָנגעקומען אין אמעריקא אין דיא יאָהרען 1881 ביז 1890 הונדערט דרייסיג טויזענד אידען.

פון יאָהר 1891 ביז 1900 זיינען אָנגעקומען 275,000 אידען. און אין דיא לעטצטע פינף יאָהרען — 392,000.

דיא אידישע אימיגראַציאָן פון עסטרייך (הויפּטזעכליך פון גאַליציען), איז אַ סך קלענער וויא פון רוסלאַנד. מיט 25 יאָהר צוריק פלעגען קומען יעדען יאָהר פון עסטרייך, וויא פון רוסלאַנד ארום 5 אָדער 6 טויזענד, אָבגלייך שפּעטער, אין דיא יאָהרען 1890—1892, איז דיא צאָהל אפילו ארויפגעשטיעגען ביז 15—12 טויזענד יעהרליך, דאָך האָט עס ניט לאַנג געהאַלטען, און זיא האָט ווידער אָנגעהויבען אראָבצופאַלען אויף 7—6 טויזענד יעהרליך. אין דיא לעטצטע 6—5 יאָהר האָט דיא צאָהל ווידער אָנגעהויבען שטייגען און אין יאָהר 1903 האָט זיא עררייכט 19,000. אין יאָהר 1904 — איז זיא דערגאַנגען ביז 20,211. אין יאָהר 1905 איז זיא צוריק אראָבגעפאַלען אויף 17,352. אין גאַנצען האָבען אימיגרירט פון עסטרייך אין דיא יאָהרען צווישען 1881—1890 אַן ערך פון 70.000 אידען ; אין דיא יאָהרען צווישען 1891—1900 ארום 100.000 און אין דיא לעטצטע פינף יאָהר ארום 82.000.

אין יאָהר 1900 האָט זיך אָבער אויך אָנגעהויבען אַ בעדייטענדע אימיגראַציאָן פון רומעניען (דערמיט קען מען פילייכט ערקלערן פאַר וואָס אייניגע אידישע צייטונגען האָבען אָנגעהויבען מיט אַ מאָל אַזוי שטאַרק זיך אָננעהמען פאַר דיא רומענישע אידען.) פאַר דיא גאַנצע צעהן יאָהר, פון 1881 ביז 1890 זיינען געקומען אין אמעריקא ניט מעהר וויא 6 טויזענד רומענישע אידען און פאַר דיא 9 יאָהר, פון 1891 ביז 1899, ארום 7500. אין דעם איין יאָהר 1900 האָט מיט אַ מאָל דיא צאָהל זיך אַ הייב געטאָן אויף 6 טויזענד און פאַר דיא גאַנצע לעטצטע פינף יאָהר זיינען געקומען 32,000.

אַ קליינע צאָהל אידען קומען צופאָהרען אויך פון אנדערע לענדער : פון דייטשלאַנד און ענגלאַנד. — פון ענגלאַנד קומען אָבער דאָס רוב רוסישע אידען, וועלכע האָבען געפּרובירט זיך אָבשטעלען אין לאָנדאָן. דיא גאַנצע צאָהל פון דיא אידישע עמיגראַנטען האָט אין יאָהר 1881 בעטראָפען 10,000, אין יאָהר 1891 — 43,000 פערזאָן און אין 1892,—66,500 מענשען. נאָכהער איז דיא צאָהל אראָבגעפאַלען אויף 25.000—22.000. פון יאָהר 1900 אַן האָט דיא צאָהל אימיגראַנטען זיך געהאַלטען ארום דיא ציפער 60.000 יעהרליך. אין יאָהר 1903 איז זיא אָבער ארויפגעשטיעגען אויף 76 טויזענד, אין יאָהר 1904 —אויף 106,236, און אין 1905 — אויף 129.910.

אין גאַנצען זיינען אָנגעקומען אין די יאָהרען 1881 ביז 1890 ארום 205,000 אידען. פון 1891 ביז 1900 — 385,000, און אין דיא לעצטע פינף יאָהר 428,000 אידען.

פאַר דיא לעצטע 25 יאָהר האָבען אימיגרירט פון מזרח אייראָפּא אין אמעריקא מעהר וויא אַ מיליאָן אידען. ארום 800,000 רוסישע, ארום 250,000 עסטרייכישע (גאַליציאַנער) און ארום 50,000 רומענישע. וויסענדיג, אַז דיא אידישע בעפעלקערונג פערמעהרט זיך זעהר שטאַרק, קען מען זיין זיכער, אַז דיעזע צאָהל איז פאַר דיעזער צייט בעדייטענד גרעסער געוואָרען, פיעלייכט פערדאָפּעלט געוואָרען.

דיעזער אונגעהייערער וואוקס פון דער אידישע אימיגראַציאָן איז דיא אורזאכע דאפון, וואָס דיא געגנער פון אימיגראַציאָן האָבען הויפּטזעכליך אין זינען דיא אידען און נאָך אייניגע אנדערע נאַציאָנאַליטעטען.

אמת, מען טייטשט ניט אוים בפירוש, אַז מען מיינט דיא אידען, ווייל דיא אידישע אימיגראַנטען האָבען דאָך געוויסע מעלות, וועלכע עס איז שווער אָבצולייקענען. אָבער אים אַלגעמיינען האַלט מען יעצט דיא אידען צוזאַמען מיט דיא איטאַליענער און אונגארען פאַר ניט קיין ווינשענסווערטע אימיגראַנטען און ענגלענדער, אירלענדער, דייטשען, שוועדען פאַר ווינשענסווערטע.

פאַר וואָס איז דאָס ? דערפאַר וואָס יעצט פאָהרען גראָדע אידען, איטאַליענער און אונגארען. מיט 50—40 יאָהר פריהער, ווען דיא מייסטען אימיגראַנטען זיינען געווען דייטשען, האָבען זיך געשאָטען פּראָטעסטען געגען דיא דייטשען. מיט 20 יאָהר צוריק האָבען זיך געהערט פּראָטעסטען געגען דיא אירלענדער. עס וואָלט געווען דערפאַר זעהר נאַאיוו שטאַרק נתפעל צו ווערען פון דיעזע פּראָטעסטען, זיך צו קאָכען און שרייען, אַז אין אמעריקא וואַקסט שנעל דער אַנטיסעמיטיזמוס.

עס איז דערפאַר אינטערעסאַנט זיך צוצוקוקען, וואָס פאַר אַ טהייל פון אַלע אימיגראַנטען מאַכען אוים דיא אידען. אין אנפאַנג פון דיא אַכציגער יאָהרען האָבען דיא אידען אויסגעמאַכט אין גאַנצען 2 פּראָצענט פון אַלע אימיגראַנטען, און פאַר דיא גאַנצע צעהן יאָהר, צווישען 1890—1881 וועניגער וויא 4 פּראָצענט. אין פערלויף פון דיא פאָלגענדע צעהן יאָהרען איז דער פּראָצענט פון דיא אידישע

אימיגראנטען פערמעהרט געוואָרען אויף 10. פּראָצענט.

און כאָטש אין דיא לעצטע 4—3 יאָהר האָט דיא אידישע אימיגראציאָן זיך שטארק פערגרעסערט, פון דעסטוועגען איז דער פּראָצענט פון אידישע אימיגראנטען אַלץ ניט געוואָרען מעהר וויא 10 פּראָצענט; אין יאָהר 1903 — 9 פּראָצענט; אין 1904 — 13 פּראָצענט; אויך אין 1905—13 פּראָצענט. מען זעהט אַלזאָ אַז דיא פעראייניגטע שטאַאטען שטעהט נאָך ניט פאר דיא געפאהר פערוואנדעלט צו ווערען אין א אידישע לאַנד.

וויא פיעל אידען זיינען איצט דאָ אין דיא פעראייניגטע שטאַאטען? ווען דיא רעגיערונג פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען צעהלט אַלע צעהן יאָהר דיא בעפעלקערונג, דאן פרעגט זיא ניט: „צו וואָס פאַר אַ רעליגיאָן געהערסט דוא?“ נאָר: „אין וואָס פאר א לאנד ביזט דוא געבאָרען געוואָרען?“ נאָר דורך שאטצונגען און אויסרעכנונגען האָט מען באַשטימט, אז אין יאָהר 1905 איז דיא צאהל פון אידען אין אמעריקא געוועזן אַרום 1.800,000—1,700,000.

2

דיא געזעטצען וועגען דיא אימיגראציאָן.

דיא סטאַטיסטיק פון דיא אימיגראציאָן גיט אונז אויסקינפטע ניט נאָר וועגען דיא צאהל מענשען וואָס האָבען אימיגרירט אהער, זאָנדערן אויך וועגען דיא צאהל מענשען וואָס האָבען געוואָלט אימיגרירען און זיינען ניט אַריינגעלאָזען געוואָרען צוליעב דעם געזעטץ. אין יאָהר 1904 האָט מען ניט אַריינגעלאָזען אין גאַנצען 7,994 פּערזאָן; פון זיי זיינען געווען 787 אידען, ווייניגער וויא 10 פּראָצענט. דאָס הייסט אַלזאָ, אַז ביי אידען איז געווען אַ קלענערער פּראָצענט, וואָס מען האָט ניט אַריינגעלאָזען, איידער עס האָט געזאָלט אויסקומען יעדך..

אין יאָהר 1905 האָט מען ניט אַריינגעלאָזען 11,480. צווישען זיי האָבען זיך געפונען 1623, אַלזאָ 14 פּראָצענט אידען. ד. ה. מיט 4 פּראָצענט מעהר אידען זיינען צוריקגעשיקט געוואָרען וויא עס איז אויסגעקומען אויף זייער חלק. אין יאָהר 1904 האָט מען ניט אַריינגעלאָזען ווייניגער וויא איין פּראָצענט פון אַלע אידען וואָס זיינען אָנגעקומען אויף דיא שיפען קיין אַמעריקא, און אין יאָהר 1905 עטוואס מעהר וויא איין פּראָצענט.

מיט אַנדערע ווערטער: אַלע געזעטצען, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרען ביז אהער, ווירקען בכלל זעהר ווייניג אויף דיא אימיגראציאָן. ווייניגער וויא איין מענש פון הונדערט ווערט ניט אַריינגעלאָזען און דיא אימיגראנטען זיינען בערייט צו נעהמען אויף זיך דיא ריזיקע דאָרט, וואו פון הונדערט געווינסען איז נור איין נומער אַ פּוסטער.*)

עס בלייבט אַלזאָ איינער, דער וויכטיגסטער קלאַסס: דיא בעטלער, אָדער אַזוינע, וואָס קענען ווערען בעטלער. אין יאָהר 1905 זיינען פון דיא 1623 ניט אַריינגעלאָזענע אידען 1208 ד. ה. 75 פּראָצענט ניט אַריינגעלאָזען געוואָרען צוליעב דיעזער אורזאַכע.

„נאָך דער אַמעריקאַנער אָרדנונג — זאָגען דיא געגנער פון אימיגראציאָן, — דאַרף דיא געזעלשאַפט זיך בעזאָרגען וועגען דיא אָרימע לייט, און יעדער, וועלכער קומט אהער צו פאָהרען און איז ניט פעהיג צו פערדיענען פאר זיך צום לעבען, ווערט דערפאַר אַ לאַסט פאר דיא געזעלשאַפט. זאָלען מיר אָננעהמען, אַז דאָס איז אַ ריכטיגער אַרגומענט, — כאָטש מיר ווייסען, אַז דאָ זיינען פאַראַן פיעלע אָרימע לייט, וועמען דיא געזעלשאַפט העלפט ניט און אַז דיא אידען פאַלען געוויס ניט צו לאַסט דער אַמעריקאַנער נאַציאָן. דיא פראַגע איז אָבער, וויא קען מען טרעפען פאָראויס, ווער עס וועט וואהרשיינליך ווערען אַ בעטלער און פאַלען צו לאַסט? דער געזעטץ ענטפערט ניט אויף דיזער פראַגע און לאָזט עס איבער פאר דיא אינספעקטאָרען וועלכע זיינען מייסטענטהיילס גראָב און אונוויסענד דאָס צו בעשטימען. אמת, דער אימיגראַנט קען אַפּעלירען, אָבער אַ מענש, וואָס קומט פון רוסלאַנד ווייס גאַנץ גוט, אַז אַפּעלירען פון איין בעאַמטען צום צווייטען, האָט קיין שום בעדייטונג ניט. און דער וואָס האָט זיך צוגעקוקט וויא עס געהט צו אין עלים איילאַנד, ווייס אַז דער אויסקלייבען פון „אונווינשענסווערטהע אימיגראַנטען“ היינגט אָב פון צופאַל, פון קאַפּריזען, דאַפון, וויא דער מאָגען איז ביי דעם אינספעקטאָר און דאַפון, אויב ער האָט זיך צוקריעגט ביין

*) דער פערפאַסער קוקט, נאָך אונזער מיינונג, אביסעל צו אָפּטימיסטיש אויף דער זאַך. ער לאָזט דורך איין אומשטאנד, נעמליך דאָס דיא אימיגראנטען ביי וועלכע עס איז א שטיקעל ספק, צו מען וועט זיי אריינלאָזען, דיא נעהמען דאָס רוב דיא ריזיקע ניט און ריהרען זיך ניט פון אָרט. אזוי וויא דאָס רוב אימיגראנטען האָבען איצט בעקאנטע אָדער פריינדע דאָ, ווייסען זיי פאָראויס זיך אָבצוהיטען און ניט צו ריזיקירען, אויב ביי זיי איז דאָס א שטיקעל ספק. דערמיט נור ערקלערט זיך וואָס דיא צאָהל צוריקגעשיקטע אימיגראנטען איז אזוי קליין. דאָס האָט מען ניט לאנג געקאָנט בעמערקען אויך אין ענגלאנד: ווען עס איז אריין אין קראפט דער נייער געזעץ געגען אימיגראציאָן, האָבען די אימיגראנטען אליין און דיא שיפס קאָמפּאניעס פון זייער זייט גענומען בודק זיין שטארק איידער מען איז געפאָהרען קיין ענגלאנד. — רעד.

פריהשטיק מיט דער ווייב. ווען איך האָב בע־זוכט עללים איילאַנד, האָב איך געזעהן אַן אינ־ספעקטאָרין — אַ פרוי, וועלכע האָט געליטען יענעם טאָג אויף צאָהן־שמערצען — און זיא איז געווען בערייט אָבצושיקען צוריק אַלע אי־מיגראַנטען.

דיא אידישע פּרעססע, סאַי דיא סאָציאַ־ליסטישע, סיי דיא קאָנסערוואַטיווע, שרייט גאַנץ אָפט פאַר דיזע הפקר־טאַקטיק. דער „פאָרווערטס" האָט זאָגאַר אַ מאָל געשריבען וועגען „דיא פּאָגראָמען אויף עללים איילאַנד". מען דאַרף אָבער דיא פּאַקטען ניט מגזם זיין, וויא הארקאווי האָט אַנגעוויזען זיינען דיא בע־ציהונגען צו דיא אידען אויף דעם אימיגראַ־ציאָנס־סטאַציאָן היינט פּיעל בעסער וויא מיט צוויי יאָהר צוריק. איך וויל אָבער מיר ערלוי־בען פרעגען דיא אידישע ניו־יאָרקער סאָציאַ־ליסטען, וועלכע זיינען איצט געוואָרען אַזעל־כע אידישע פּאַטריאָטען, וואָס האָט איהר גע־טהאָן צו קעמפּפען געגען דיזען ווילקיר? אויב אין דער ניו־יאָרקער אימיגראַציאָנס־סטאַציאָן איז דער העכסטער בעאַמטער געוואָרען יעצט דער טאָלעראַנטער וואַטשאָרן, אַנשטאָט דעם פריהערן געגנער פון אימיגראַציאָן און אַנטיסע־מיטיש־געזאָנענעם וויללויאַמס, האָבען מיר עס דאָך דאָ צו פערדאַנקען מעהר ניט דיא רייכע אַמעריקאַנער אידען, דיא באַנקירען און בור־זשוא, פון וועלכע מיר לאַכען שטענדיג. אונז אָבער רוסישע אידען, סאָציאַליסטען און אַר־בייטער, האָבען דאָך דיא אינטערעסען פון דיא רוסישע אימיגראַנטען געדאַרפט זיין 10 מאָל טייערער. מיר זיינען דאָ אין ניו־יאָרק אַרום אַ האַלבען מיליאָן, מיר וואָהנען דאָ אַלע צוזאַמען און פון דעסטוועגען האָט זיך אין וואַ־שינגטאָן קיינמאָל ניט געהערט אונזערע פּראָ־טעסטען געגען דיזע ווילקיר. אויב דאָס איז גלייכגילטיגקייט — איז דאָס אַ פערברעכען. אויב דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער אונקאָמ־פּראָמיסליכער פּאָליטיק איז דאָס אַ נאַרישקייט.

אין וואַשינגטאָן ווערט יעצט אונטערהאַנ־דעלט וועגען אַ נייעם אימיגראַציאָנס ביל, אמת, מיר גלויבען ניט אין דיא מעגליכקייט, אַז מען זאָל דיא אימיגראַציאָן ערנסט בע־שרענקען *) אָבער וויא דיא מעשה איז בע־ריהרט דער נייער געזעץ־פּראָיעקט אונזערע אינ־טערעסען. מיר שרייבען נאָך אַרטיקלען, וועל־כע קיינער לייענט ניט אין וואַשינגטאָן און מעהר ניט. און ווען דיזער געזעץ וועט דורכגעהן אין וואַשינגטאָן — וועט דאָס זיין אָהן דעם אַנטהייל פון דער רוססישער אידישער שטימע. און אונזער גאַנצע האָפנונג איז, אַז טאָמער וועט דיא אידישע אַמעריקאַנישע בורזשואַזיע, דיא שיף'ס, דיא סולצבערגער'ס וועלען זיך דערמאָנען אָן אונזערע אינטערעסען. **) פאַר אַזאַ קאַלטקייט צו דיא אייגענע אינטערעסען דאַרפען מיר זיך שעהמען.

דער נייער ביל פערניכטעט ניט, נאַטיר־ליך, דאָס רעכט צו אימיגרירען, אָבער זיינע צוויי הויפּט־פּונקטען בעשטעהען אין פאָלגענ־דעם: העכערען דיא אָבצאָהלונג פון 2 דאָלאַר אויף 5 פאַר יעדער מענשען, און אַז יעדער אי־מיגראַנט זאָל קענען לעזען אין וועלכע עס איז אַ שפּראַך. דיא אַנדערע פאָדערונג איז פאַר אידען ניט אַזוי שרעקליך וויא פאַר איטאַליע־נער. עס איז אָבער אויך ניט ריכטיג ווען מען מיינט, אַז אַלע אידען וואָס קומען אהער קענען לעזען אידיש.

פון אַלע 1,026,500 אימיגראַנטען, וועל־כע זיינען געקומען אהער אין יאָהר 1905, האָ־בען 230,882, אָדער 22½ פּראָצענט ניט גע־קענט לעזען. פון 129,910 אידען זיינען געווען 22,770 אָדער 17½ פּראָצענט וואָס האָבען ניט געקענט לעזען. דאָס אַלץ וועגען מענשען עלטער פאַר 14 יאָהר.

אויב דיזע נייע געזעטצע וואָלטען דורכ־געפיהרט געוואָרען, וואָלט עס וואהרשיינליך גע־ווען שעדליכער פאַר דיא גאַליציאַנער און רו־מעניער אידען, איידער פאַר דיא רוסישע אי־דען.

דיא פאָדערונג, אַז דער אימיגראַנט זאָל קענען לעזען קען מען נאָך ערקלערען דערמיט, וואָס אימיגראַנטען, וועלכע קענען ניט לעזען, זיינען אונווינשענסווערט. מיט וואָס קען מען אָבער ערקלערען דאָס, וואָס דיא אָבצאָהלונג זאָל ווערען געהעכערט פון 2 דאָלאַר אויף 5 דאָלאַר, אויב ניט דערמיט וואָס מען וויל דאָ האָבען, וואָס ווייניגער אימיגראַנטען?

נאָך שעדליכער איז דער געזעטץ וועגען נאַטוראַליזאַציאָן (וויא צו ווערען אַ בירגער)

*) וויא אונזערע לעזער וויסען פון דיא צייטונגען האָט דער אָפּטימיזמוס פון אונזער פערעהר־טען מיט־ארבייטער זיך ארויסגעוויזען פיר פאָל־שטענדיג בעגרינדעט: פון דעם נייעם געזעץ־פּראָ־יעקט געגען אימיגראַציאָן האָט זיך כמעט וויא גאָר ניט אויסגעלאָזען. און דורך אַ ספּעציעלען אַמענדע־מענט האָט דאָס רעפּרעזענטאַנטען הויז דיא אידיש־רוסישע אימיגראַנטען געזיכערט געגען דיא נייע בע־שריינקונגען, אפילו אין זייער אָבגעשוואַכטער פאָרם.

**) דיא „האָפנונג" האָט זיך ארויסגעשטעלט גאַנץ פאַלש. דיא אידישע בורזשואַזיע האָט ארויס־געוויזען אַ מערקווירדיגע קאַלטקייט צו דער גאַנצער בעוועגונג. דיא איינציגע אידישע שטימע וואָס איז יא געהערט געוואָרען אין וואַשינגטאָן אין דער פראַ־גע איז געווען דוקא פון דיא פאָרשטעהער פון דיא רוסיש־אידישע אָרגאַניזאַציאָנען, פון געזעלשאַפטען באַ־ראַנדעס. — רעד.

פאַר דיא קאַפּיטאַליסטען איז ער וויא אָנגעמאַסטען. דער געזעץ פאָדערט, אַז מען זאָל קענען לעזען און שרייבען אויף דיא מוטערשפּראַך, רעדען און לעזען אויף ענגליש. און מען זאָל דאַרפען איינצאָהלען ביז 5 דאָלאַר פאַר דיא נאַטוראַליזאַציאָן.ביידע פּונקטען, וויא מען זעהט, זיינען געגען דיא אַרבייטער־מאַסען און דיא אידישע אַרבייטער, וועלכע געפינען זיך שטענדיג צווישען אידען, און האָבען ניט קיין צייט אויף אויסצולערנען זיך אין פינף יאָהר לעזען און רעדען ענגליש, וועלען ניט האָבען דיא מעגליכקייט צו ווערען סיטיזענס. ווער פערליערט דאַפון מעהר וויא דיא סאָציאַליסטישע פּאַרטיי? וויא דיא אידישע סאָציאַליסטען?

און מיט וואָס האָבען דיא אידישע סאָציאַליסטען אויסגעדריקט זייער פּראָטעסט געגען דיעזען פּראָיעקט? מיט גאָר נישט! אין רוסלאַנד פאָדערט דאָס פאָלק דאָס רעכט צו שיקען פּעטיציאָנען, און מיר דאָ, וואָס האָבען דאָס רעכט, זיינען צו פויל זיך דערמיט צו בענוטצען.

ווען צעהנדליגע טויזענד בריעף מיט פּראָטעסטען וואָלטען אַוועקגעשיקט געוואָרען קיין וואַשינגטאָן צו דיא ניו־יאָרקער סענאַטאָרען און קאָנגרעס־לייט; ווען זיי וואָלטען אָרגאַניזירט פּראָטעסט מיטינגען און אַוועקגעשיקט אין קאָנגרעס אַ פּעטיציאָן מיט 100,000 אונטערשריפטען, — דאַן, קען זיין, אַז מיר וואָלטען געווירקט אויף אונזערע געזעטצגעבער. ווען אַזוינע געזעטצען געהן דורך אָהן אַ פּראָטעסט פון אונזער זייט, דאַן מוזען מיר וואַרפען דיא שולד אויף אונז אַליין.

דאָס רעכט אַריינגעלאָזען צו ווערען אין לאַנד הייננט אָב ביז צו אַ געוויסען גראַד, פון צופאַל. דער געזעטץ פערוועהרט דעם אַריינפאָהר אין לאַנד: פאַר אידיאָטען, משוגעים, מענשען וואָס ליידען אויף אַנשטעקענדע קראַנקהייטען; מענשען, וואָס זיינען געזעסען אין געפענגנים, אונמאָראַלישע מענשען, אַנאַרכיסטען, מענשען וואָס האָבען מעהרערע ווייבער, אָדער וואָס פערפיהרען פרויען אויף אונאָרענטליכע בעשעפטיגונג, בעטלערס, אַרבייטער וואָס האָבען שוין פון פריהער אָבגעמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט אונטערנעהמער און מענשען, וואָס האָבען בעקומען פרעמדע שטיצע אויף דיא רייזע. פון דיא אַלע שפּיעלען אַ וויכטיגע ראָלע בלויז דריי קלאַסען: בעטלער, מענשען וואָס ליידען אויף אַנשטעקענדע קראַנקהייטען און פערקאָנטראַקטירטע אַרבייטער. וועגען דיא איבעריגע איז גאָר ניט כדאי אַ סך צו רעדען. פון 11,480 ניט אַריינגעלאָזענע עמיגראַנטען אין יאָהר 1903 זיינען געוועזען אין גאַנצען 220 מענשען, וועלכע האָבען געהערט צו אַלע איבעריגע קלאַסען, אַ חוץ דיא אויבענגענאַנטע דריי. דאָס מאַכט אוים 2 פּראָצענט. אויף אַלע אימיגראַנטען מאַכט עס אוים איינעם פון 5000.

עס בלייבען אַלזאָ דריי קלאַסען. אָבער דיא פערקאָנטראַקטירטע אַרבייטער זיינען דאָס רוב איטאַליענער. עס קען זיין, אַז דיא אידען זיינען צו קלוג, אַז זיי זאָלען זיך אַרויסרעדען וועגען דעם; נאָר דער פאַקט איז, אַז אין יאָהר 1904 האָט מען ניט אַריינגעלאָזען אין גאַנצען 24 און אין יאָהר 1905—33 אידען. ווייל זיי זיינען געוועזען פערקאָנטראַקטירטע אַרבייטער. פון מענשען וואָס ליידען אויף אַנשטעקענדע קראַנקהייטען האָט מען אין יאָהר 1904 ניט אַריינגעלאָזען 183 אידען און אין יאָהר 1905 353 אידען.

געגען דיעזען געזעטץ איז שווער צו קעמפּפען; מענשען מיט אַנשטעקענדע קראַנקהייטען זיינען דאָ אין לאַנד גענוג אייגענע. און אויב דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק זאָגט: "מיר ווילען ניט ערלויבען קיינע אימיגראַנטען מיט אַנשטעקענדע קראַנקהייטען,„ מוז מען צוגעבען אַז ער האָט אויף דעם אַ געוויסע רעכט.

פיליפ קראַנץ.

צו זיין אבריישע נאָך רוסלאנד.

דיא רוסישע רעוואָלוציאָן מאָנט ביי אונז איהר חוב. פינף און צוואַנציג יאָהר לאַנג האָט זיא אונז צוגעשטעלט פיעלע פון דיא בעסטע מענשען אין רוסלאַנד. יעצט פאָדערט זיא אָב דיעזען חוב פון אונז. און זיא פערלאַנגט פראָצענט: אנשטאָט דיא יונגע, אונערפאַהרענע און היציגע מענשען וואָס מיר האָבען ערהאַלטען, פאָדערט זיא מענשען, עלטער אין יאָהרען, רייכער אין ערפאַהרונג, ברייטער אין אנשויאונג און געזעצטער אין מיינונג. קעמפפער, יונגע, היציגע, ענטשלאָסענע און איבערגעבענע האָט זיא געגעבען, וואָס איהר פעהלט זיינען מענשען מיט ערפאַהרונג, מענשען וואָס האָבען זיך אויסגעבילדעט אונטער פרייע אינסטיטוציאָנען אין דיא געוויסערמאַסען פרייע לענדער. און דיעזע ציהט זיא יעצט פון איהר „קאַפּיטאַל“, וואָס זיא האָט אריינגעלייגט אין דיא פריהעריגע יאָהרען אין אויסלאַנד.

עס טהוט אונז לייד זיך צו שיידען מיט דיעזע מענשען, וויל, צו זאָגען דעם אמת, עס איז זעהר ווייניג געבליעבען פון זיי. אויסער דעם שטעהען מיר אין געפאַהר זיך צו מוזען ערקלעהרען באַנקראָט, ווען דיא רוסישע רעוואָלוציאָן זאָל חלילה איינפאַלען צו פאָדערן אַלע, וואָס זיא האָט אונז אַהער געשיקט. פיעלע פון זיי זיינען איבערהויפּט פערלוירען געגאַנגען, ניט נור פאַר דיא רוסישע, נור פאַר אַלע רעוואָלוציאָנען, אַנדערע האָבען פערבלאָנדזשעט, און וואָלטען שוין גאָר ניט געטראָפען דעם וועג צוריק און איינינגע האָבען זיך פערקויפט צו דיא „געלע שקלאַפעריי“, וויא מאַקסים גאָרקי רופט דאָס.

אונז איז דאַדורך אַ וועהטאָג זיך צו שיידען מיט דיא איינינגע וואָס זיינען געבליעבען טריי צו דיא פאָהנע, און, איין גאָט וויים, מיר דאַרפען זיי דאָ אויך נויטהיג. אָבער מיר אַנערקענען דעם חוב, און, פון דעם ביסעל וואָס איז געבליעבען, צאָהלען מיר מיט פערגניגען.

איינער פון דיעזע געצעהלטע פּערזאָנען איז אָהנע צווייפעל אונזער פּהיליפּ קראַנץ. און איהם האָט דיא רעוואָלוציאָן יעצט אַרויסגעריסען פון אונז מיט געוואַלד.

דעם 26-טען יולי, איז פּהיליפּ קראַנץ אָבגעפאָהרען נאָך רוסלאַנד, צו ווערען דער רעדאַקטאָר פון אַ סאָציאַליסטישע צייטונג אין אידיש, וועלכע וועט קירצליך ערשיינען אין וואַרשאַו.

דאָס היגע קאָמיטע וואָס האָט אויכגעקליעבען קראַנץ'ן פאַר דיעזען פּאָסטען, פערדיענט אַ ספּעציעלען קאָמפּלימענט, קיין בעסערע וואַהל, האָבען זיי גאָר ניט געקענט מאַכען, קיין פּאַסענדערען מאַן, האָבען זיי גאָר ניט געקענט געפינען.

קראַנץ איז דער געבוירענער רעדאַקטאָר פאַר אַ אידיש־סאָציאַליסטישע צייטונג! קראַנץ איז געוועזען דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דעם לאָנדאָנער „אַרבייטער - פריינד“; ער איז געוועזען דיא העבאַממע פון דיא אידישע „אַרבייטער צייטונג“ אין ניו יאָרק אין 1889 יאָהר; ער האָט דער ערשטער געעפענט דיא אויגען פון דעם געוועזענעם „אַבענד־בלאַט“; אונטער איהם האָט דיא „צוקונפט“ דאָס ערשטע מאָל דערזעהן דיא ליכטיגע שיין. עס איז דאַדורך זעהר קלוג און פערנונפטיג פון דעם קאָמיטע, וואָס זיי האָבען אויסגעוועהלט קראַנץ'ן צו העלפען ברייגען אויף דיא וועלט דיא ערשטע אידיש־סאָציאַליסטישע צייטונג אין וואַרשאַו. זיין לאַנג־יעהריגע ערפאַהרונג אַלס רעדאַקטאָר, זיין סיסטעמאַטישע און גרינדליכע בילדונג; זיין גענויע בעקאַנטשאַפט מיט דיא דריי ענטוויקעלטסטע לענדער אין דיא וועלט: פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַמעריקאַ; זיין געלאַסענער, קאַלטבלוטיגער, אָבער אימער אַנגענעהמער און דורכגעדאַכטער סטיל, אָנגעוואַרעמט און אונטערגעהיצט פון דעם רעוואָלוציאָנערען פייער וואָס פלאַקערט יעצט אויף אַלע דעכער אין רוסלאַנד, און ספּעציעל אין פּוילען, וועט מאַכען דיעזע צייטונג פאַר אַ ווירדיגען און וויכטיגען פאַקטאָר אין דיא רוסישע רעוואָלוציאָן. מיר גראַטולירען דיא קאָמיטע מיט איהר אויסוואַהל, מיר גראַטולירען וואַרשאַו מיט דעם וויכטיגען בירגער וואָס זיא בעקומט אין קראַנצען, און מיר גראַטולירען, און מיר זיינען שטאָלץ מיט אונזער קראַנץ, פאַר זיין בעשלוס צו לאָזען אַלץ און נעהמען אויף זיך דיעזען פעראַנטוואָרטליכען, אונטער אומשטענדען געפעהרליכען פּאָסטען.

איך וויים ניט צו אונזערע „אַמעריקאַנער“ וועלען דאָס בעטראַכטען פאַר אַ חסרון אָדער פאַר אַ מעלה, צו זיין עהרע וויל איך אָבער זאָגען, אַז אין דיא זיעבעצעהן יאָהר, וואָס קראַנץ האָט פערבראַכט אין אַמעריקאַ, האָט ער זיך אַלץ ניט „אַמעריקאַניזירט“, ער איז געבליעבען אַ „גרינער“ ביז דעם היינטיגען טאָג, און אַ „גרינער“

פאָהרט ער פון אונז אוועק. פון דעם קומט וואָס נאָך קנאַפּע 25 יאָהר פון גלענצענדע ליטעראַרישע טהעטיגקייט, האָט קראַנץ, אין דעם 47טען יאָהר פון זיין לעבען, מיט אַ מאָל זיך געפונען געצוואונגען צו נעהן זוכען ברויט אויף פרעמדע פעלדער. אין זייא צייט וואָס דיא אידישע צייאַז פון אַלע מינים שרייבער, פעהיגע און אונפעהיגע פערדיענען גרויסע געלד פון צייטונג שרייבעריי, איז פאַר דעם עלטסטען און ערשטען אידישען רעדאַקטאָר קיין פּלאַטץ מעהר ניט געווען. דיא „אַמעריקאַניזירטע“ צייטונגען האָבען פאַר דעם „גרינעם“ קראַנץ קיין בעשעפטיגונג ניט געהאַט.

פיליפּ קראַנץ

פון דעם קומט אויך, וואָס אין אונזער אייגענע בעוועגונג, האָט מען דיא לעצטע צייטען — דיא צייטען פון אַלערליי באַנקעטען, אַזוי ווייניג געהערט פון פהיליפּ קראַנץ. ער איז געווען און געבליעבען אַ „גרינער“. ער האָט זיך דאָ ביי אונז אַרומגעדרעהט וויא אויף אַ פרעמדען יריד —אויף אַ יריד וואו אַלע שרייען און ליארמען, און פּויקען און טרומייטערען און ווערען הייזעריג לויבענדיג זייער אייגענע סחורה. וועלכע אויסזיכט האָט אַ קראַנץ אויף אַזאַ יאַרמאַרק?

אַז קראַנץ איז געבליעבען אַ „גרינער“ בעוויזט זיין יעצטיגעס אוועקפאָהרען: יאָהרען לאַנג האָט ער בוכשטעבליך געהונגערט ביי אונז, אַלס הויפּט רעדאַקטאָר, אַזוי לאַנג ביז ער איז אין גאַנצען אַרויסגעשטופּט געוואָרען. אין זיין נייע בעשעפטיגונג צו וועלכע ער האָט זיך גענומען ערשט זייט איין יאָהר, האָט ער פערדיענט פיעל מעהר, וויא ער האָט פערדיענט פריהער אין 5 יאָהר אַלס הויפּט רעדאַקטאָר פון אַ טעגליכע סאָציאַליסטישע צייטונג. און דאָ איז איינגעפאַלען דעם קאָמיטע איינצולאַדען קראַנץ'ן אַלס רעדאַקטאָר פון אַ נייע סאָציאַליסטישע צייטונג. וואָלט קראַנץ ניט געווען קיין „גרינער“, —מיט אַ בעזעם וואָלט ער זיי בעדאַרפט אַרויסיאָגען. וואָס טהוט פהיליפּ קראַנץ? ער לאָזט זיין ביזנעס, דיא ביזנעס וואָס האָט איהם צום ערשטען מאָל אין לעבען געוויעזען אַ דאָללאַר, ער לאָזט דיא ביזנעס מיט דיא גאַנצע גליקען, מיט דיא טויזענדער און פאָהרט אויף מסירת נפש צו רעדיזשירען אַ סאָציאַליסטישע צייטונג.

דאַריבער זיינען מיר שטאָלץ אויף קראַנצען, דערפאַר זיינען מיר צופריעדען פון דיא וואַהל. דאָרט וועט קראַנץ ערשט זיין אין זיין ריכטיגע ספערע. דאָרט וואו דער געשריי פון דיא יאַרמאַרקניקעס פערהילכט נאָך ניט דיא אויערען, דאָרט וואו מען הערט זיך צו צו ערענסטע ווערטער, דאָרט איז אַ פעלד פאַר פהיליפּ קראַנץ'ס טהעטיגקייט.

איך וויל יעצט ניט שרייבען קראַנץ'ס ביאָגראַפיע, עס איז אָבער דאָ אַ פּלאַטץ אַרויסצוהייבען איינינע מאָמענטען פון זיין לעבען, צוליעב דעם נייעם דור וואָס קען ניט קראַנץ'ן.

אויב מען זאָל צורעכענען דאָס יאָהר, וואָס ער איז געזעסען אין כאַרקאָווער טורמע, אונגעפעהר 26 יאָהר צוריק, איז קראַנץ יעצט אַלט 47 יאָהר, און אויב איהר וועט עס איהם ניט האַלטען פאַר קיין שאַנדע, איז ער געווען אַ חבר פון דעם בעריהמטען גרינעוויצקי, וועלכער האָט פערצעגערט, און געהאָלפען פערענדערען דיא רוסישע קאָנסטיטוציע מיט דעם, וואָס ער האָט אוועקגעשיקט אַלעקסאַנדער דעם צווייטען אויף אַ בעסערע וועלט. קיין חלק אין דיעזע טהאַט האָט אָבער קראַנץ ניט געהאַט, קיין נאַראָדאוואָליעץ און קיין טעררארִיסט איז ער קיין מאָל ניט געווען. פון דעם אָנפאַנג פון זיין טהעטיגקייט צייכענט ער זיך אויס מיט זיין סאָציאַל דעמאָקראַטישע אנשויאונגען. ער איז דער ערשטער, אבסאָלוט דער ערשטער, וואָס האָט געשריעבען אויף אידיש אַלס סאָציאַל־דעמאָקראַט. סאָציאַליזמוס אין אַלגעמיינעם, האָט מען געשריעבען אויף אידיש און אין לשון קודש נאָך פאַר קראַנצען. דיעזע עהרע בעלאַנגט צו מאָררים ווינ־

טשעוועסקי, אָבער ווינטשעװסקי'ס סאָציאַליזמוס איז אימער געווען, און איז געבליעבען ביז היינטיגען טאָג אַ געפיהלס־סאָציאַליזמוס, וועהרענד קראַנץ איז אימער געווען אַ סאָציאַל דעמאָקראַט. די ערשטע געוויסער מאַסען סאָציאַל־דעמאָקראַטישע בראָשורע אויף אידיש איז דאדורך לאַססאַל'ס „ארבייטער פראָגראַם“, איבערזעצט פון פהיליפּ קראַנץ, אַזוי איז אויך דער ערשטער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פעראיין, דער „רוסקי ראַבאָטשי קלוב“ אין פאַריז, וועלכער איז בעשטאַנען פון בלויז אידישע ארבייטער, געגרינדעט געוואָרען פון פהיליפּ קראַנץ אין אָנפאַנגס פון די 80־ער יאָהרען.

ביי דיעזע געלעגענהייטען איז וויכטיג צו בעמערקען, אַז די ערשטע וויכטיגע בראָשורע אויף אידיש פון די נייערע סאָציאַל דעמאָקראַטען, איז געווען אַ'ן איבערזעצונג פון דיקשטיין'ס פּוילישע בראָשורע „פון וואָס איינער לעבט“, און דיעזע בראָשורע איז ארויסגעגעבען געוואָרען אונטער די רעדאַקציאָן פון פהיליפּ קראַנץ. און ניט נאָר אַלס סאָציאַל דעמאָקראַט איז קראַנץ געווען טהעטיג. אין אַלגעמיינע קולטורעלע ארבייט איז ער נאָך ביז יעצט דער איינציגער, זיין „קולטור געשיכטע“ אין דריי בענדער, זיין „פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן“, זיין „אַמעריקאַ בעפאָר קאָלומבוס'ן“, אויסער אַ מאַסע קליינע אַרטיקלען, און פערשיעדענע ביאָגראַפיען זיינען ארבייטען וואָס האָבען קיין גלייכען אין די אָרימע אידישע ליטעראַטור, און ביי דעם אַלעם, קאָכט ניט מיט קראַנצען, ביי דעם אַלעם פערגעסט מען איהם אַ מאָל איינצולאַדען אויף אַ באַנקעט. דאָס קומט פון דעם וואָס ער איז אַ „גרינער“, וואָס ער פערשטעהט ניט און וויל ניט לערנען די קונסט פון רעקלאַמע.

דערפאַר טהוט אונז לייד זיך מיט איהם צו שיידען, דערפאַר זיינען מיר, פון דער צווייטער זייט, צופריעדען וואָס ער פאָהרט אין אַ לאַנד, וואו זיין פעהיגקייט און טהעטיגקייט וועט ווערען בעסער אָבגעשאַצט, דערפאַר ווינשען מיר איהם ערפאָלג אין זיין נייע אונטערנעהמונג.

פאַר די „צוקונפט“ פּרעס פעדערײשאָן, יעקב מילך.

אפאָריזמען.

עס זיינען דאָ מענשען, וועלכע האָבען אַ גרויסע תשוקה צו גלאַנצען און זיך אויפצוהייבען העכער איבער אַנדערע. עס מעג זיי קאָסטען וואָס עס וויל. אַלץ איז פאַר זיי גלייך, אויב נור מען זעהט זיי גוט אויף וועלכע עס איז ביהנע: אין טהעאַטער, אויפ'ן טהראָן, אָדער אויפ'ן עשאַפאָט. איבעראַל פיהלען זיי זיך גוט וואו מענשען קוקען אויף זיי.

אונזער פערנונפט מאַכט אונז אָפטמאָל אַזוי אונגליקליך, וויא אונזערע ליידענשאַפטען. אין דעם צושטאַנד איז דער מענש, קען מען זאָגען, אַ קראַנקער, ווען דער דאָקטאָר האָט פארגיפטעט.

חכמה אָהן ספק קען איך ניט. די תורה זאָגט, אַז דער אָנפאַנג פון דער חכמה איז יראת אדני. איך מיין, עס איז געווען די מורא פאַר מענשען.

מען מוז זיך איינגעוואָהנען צו צוויי זאַכען, אויב מען וויל קענען לעבען אויף דער וועלט אייניגערמאַסען רוהיג: צו אַ שלעכטע וועטער און צו די אונגערעכטיגקייט פון די מענשען.

בעלי־צדקה אָהן טאַקט זיינען, וויא ציעגען: זיי לאָזען זיך מעלקען און קעהרען איבער די דאָניצע מיט די פיס.

אפאָריזמען פאַר רעוואָלוציאָנערען

קיין צייט און קיינע אומשטענדען געהען ניט פאַרביי אָהן העלדען. דער אַם וועניגסטען אונפעהיגער גענעראַל פון אַ נאַציאָן, איז איהר צעזאַר. דער אַם וועניגסטען נאַרישער שטאַאַטסמאַן — איהר סאָלאָן. דער אַם וועניגסטען אויבערפלעכליכער דיינקער — איהר סאָקראַט. דער אַם וויינינגסטען מיטעלמעסיגער דיכטער — איהר שעקספּיער.

עס איז געפעהרליך צו זיין אָפענהערציג, סאַידען אַז מען איז אַ נאַר.

די רעגיערונגס קונסט איז די אָרגאַניזאַציאָן פון געצענדיענסט. די בעאַמטע זיינען די פּריסטער. די אַריסטאָקראַטען — די געצקעס. די דעמאָקראַטען — די געצענדיענער.

ווער עס הרג'עט אַ קעניג און ווער עס בוקט זיך צו איהם,ביידע זיינען געצענדיענער.

מיוניסיפאל-סאציאליזמוס

(מיוניסיפּאַל אָונערשיפּ)

פון טהעאָדאָר ראָטהשטיין.

מוניסיפאל אונערשיפ און דער קליינבירגער אין דעם קאמפף צווישען דעם גרויס־און קליין־קאפיטאל, שפיעלט, וויא בעקאנט, א גרויסע ראָלע. דיא עלאסטיציטעט פון דעם מענשליכען מאָגען, — זיין פעהיגקייט איינצוציהען זיך אויף אזוי ווייט, אז זיין גליקליכער באזיצער באקומט דיא מעגליכקייט אָבצו׳פטור׳ן זיך וויא מיט גאָרניט. דאָס ערלויבט דעם קליין־מענשעלע — דעם מאסטערל, דעם קרעמערל, דעם פויערל — אויכצוהאלטען דיא קאָנקורענץ פון דעם גרויסען קאפיטאליסט און צו ראטעווען פון איהם זיין „זעלבסטשטענדיגקייט". — פיהרט אריין דער קאפיטאליסט אין זיין פאבריק מאשינען, וואָס פארביליגערען דיא פּראָדוקציאָן אויף העלפט, אָדער עפענט ער א גרויסע קראָם מיט שעהנע פענסטער און מאסען ביליגע סחורות, — דער קליין־מענשעלע דערשרעקט זיך, אָבער געפינט גלייך א מיטעל, וויא ווייטער „אָנצוגעהן": ער הערט אויף צו עסען אין דער וואָכען פלייש און פארדינגט דיא אויבערשטע צימערן צו קווארטיראנטען. העלפט דאָס אויך ניט, פארשנייט ער זיינע באדירפניסען נאָך ווייטער: ער הערט אויף אויך שבת צו עסען פלייש, לאָזט זיך אראָב אין דער וואָכען אויף הערינג און לאָזט אריין קווארטיראנטען אויך אונטען. שפּארזאמקייט און געמעסיגקייט ווערען ביי איהם דיא גרעסטע פון אלע מענשליכע מעלות. אויף דעם ווערט ביי איהם אויפגעבויט א גאנצע סיסטעמע פון מאָראל, און זיין זיטליכער אידעאל ווערט יענער חכם, וואָס קען זיך ענטזאגען פון אלע בעדירפניסען, און קוקט אראָב מיט פעראכטונג אויף דיא גאנצע „עולם הזה". דאָס איז א מאָראל, וואָס ציהט זיך, וויא א רויטער פאָדים, דורך דיא גאנצע מענשליכע קולטור־געשיכטע, פון דיא אוראלטע צייטען אין אינדיען, ביז היינט־צו־טאָג. דאָס איז וואהרשיינליך דיא עלטסטע און שטענדיגסטע מאָראל־סיסטעמע אויף דער וועלט. וויל זייט דיא קולטור־וועלט שטעהט, זיינען אלע מאָל געווען רייכע און אָרעמע, וועלכע האָבען צווישען זיך געפיהרט א קאמפף.

אָבער וויא אלע מענשליכע פעהיגקייטען, האָט אויך דיא דערמאָהנטע פעהיגקייט פון דעם מאָגען איהרע געוויססע גרענעצען, — והראיה, דער קליין־מענשעלע האלט ניט אויס דעם שטרענגען רעזים, וואָס ער לעגט אויף זיך ארויף, און סוף כל סוף גיט ער א מאך מיט׳ן האנד אויף זיין זעלבסטשטענדיגקייט און ווערט א פּראָלעטאריער. נאטירליך, איז דאָס פאר איהם ניט א גרויסער פארגניגען, און דאריבער איז אלעס, וואָס קומט איהם צו הילף אין זיין מיהע אָבצושטופען דעם שרעקליכען מאָמענט, פאר איהם א גרויסער גליק. וואָס־זשע אָבער קען איהם בעסער העלפען אָט אין דער מיה, וויא דיא פארביליגערונג פון דיא ארטיקלען וואָס ער פערברויכט? ביליגערע ברויט, ביליגערע פלייש און צוקער און טהעע, ביליגערע קליידונג, ביליגערע הייזער, גאז און וואססער, — מיינט דאָס ניט אלעס פאר דעם קליין־מענשעלע דיא ווייטערע מעגליכקייט אויסצוהאלטען דעם דרוק פון דעם גרויס־קאפיטאל? אמת, מיר זיינען אלע קאָנסומענטען און אלע האָבען מיר ליעב אז דיא פערברויכס־ארטיקלען זאָלען אונז קאָסטען וואָס ביליגער. אָבער פאר דעם רייכען מאן האָט עס איבערהויפט א קנאפּע ווערדע. אויב ער צאָהלט פאר זיינע לעבענסמיטלען מעהר אָדער ווינציגער. דער פּראָלעטאריער איז מעהר פאראינטערעסירט אז ער זאָל איבערהויפט פארדיענען גוט, איידער אז דיא לעבענסמיטלען זאָלען זיין ביליג און ער זאָל פארדיענען וועניג. פאר דעם קליין־מענשעלע אָבער בילדעט דיא ביליגקייט פון זיינע פערברויכס־ארטיקלען א וויכטיגע וואפפע אין זיין קאמפף אום עקזיסטענץ. עס איז פשוט פאר איהם א לעבענספראגע, אויב דיא ארטיקלען, וואָס ער געברויכט צום לעבען, זיינען ביליג אָדער טהייער: זיינען זיי ביליג, קען ער לענגער אָנהאלטען זיין זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ, זיינען זיי טהייער, קען ער ניט לאנג אויסהאלטען דעם קאמפף. אָט דאריבער איז דער קליין־מענשעלע טיעף פאראינטערעסירט אין דיא שטייער־פראגען, אין דיא פראגען וועגען פריי־האנדעל און פּראָטעקציאָניזמוס א. ד. ג. ווערדליג ביי דעם פּראָלעטאריער, וועלכער האָט צו קעמפפען פאר זיין לע־

בען גאָר אויף איין אנדער פעלד, טרעטען דיעזע פראגען אָב אויף דעם צווייטען פלאַץ, שפּיעלען זיי פאַר דעם קליין־מענשעלע דיא הויפּט־ראָלע, ווייל פון זיי העננט אָב דער פּרייז פון דיא לעבענסמיטלען, און, פאָגליך, דיא מעגליכקייט אויסצושטעהען דיא קאָנקורענץ מיט דעם קאַפּיטאַליסט.

אָט צו דיעזער זייט פון דער קליין־בירגערליכער נשמה קומט דער „מיוניסיפּאַל־סאָציאַליזמוס“ מיט א נייער פרעהליכער בשורה. ער זאָגט איהם אָן א נייע ישועה, אין זיין טרויעריגער לאַגע, א נייע מעגליכקייט, וויא אזוי צו עקסיסטירען ווייטער, ניט איבערשרייטענדיג דיא גרענעצען, וואו דיא פיזישע קרעפטען האַלטען ניט מעהר אויס. — וואָס זיינען דיא מיטלען, וואָס ער שלאָגט דערצו פאָר? אָט טאַקע דיא פאַרביליגונג פון דיא לעבענס־קאָסטען.

דעם קליין־מענשעלע קומט אויס היינטיגע צייטען צו וואָהנען דאָס רוב אין דיא שטעדט און אין דיא שטעדט איז דער לעבען ניט נאָר אַן און פיר זיך טהייער, נאָר ער ווערט נאָך פאַרטהייערט דורך דיא קינסטליכע מאנאפּאַליעס, וואָס ווערען בעשאַפען אין דעם בעזיץ פון מאַנכע פון דיא נויטהווענדיגסטע מיטלען פון שטעדטישען עקסיסטענץ. הויפּטזעכליך קומען דאָ אין בעטראַכט דיא וואַססער־פערזאָרגונג, די עפפענטליכע און פּריוואַט־בעלייכטונג און דיא מיטלען פון שמראַססען־פערקעהר. אַלע דיעזע אונטערנעהמונגען זיינען בעצם שוין מאנאפּאַליעס, ווייל צווייערליי וואסער־לייטונגען אָדער צווייערליי טראָמוויים זיינען לכתחילה אַן אונזין. זיי זיינען אָבער אויך לויט דעם געזעטץ נאָך מאָנאפּאָליעס, ווייל דיא שטעדט אָדער דער שטאַט גיט זיי אַרויס קאנצעסיעס („פריענטשייזעס“) וואָס גאַראַנטירען זיי דיא מאָנאפּאַליע און פערפליכטען זיי צו געוויסע בעדינגונגען. עס איז אָבער קלאָהר, אַז גראַד ווייל זיי זיינען מאָנאָפּאָליעס, קענען קיינע בעדינגונגען און קאָנטראַקטען ניט פערהיטען, אַז זיי זאָלען ניט בערייסען דאָס פּובליקום סיי דורך הויכע פּרייזען פאַר זייער סחורה, סיי דורך דיא ניעדריגע קוואַליטעט פון דער סחורה, סיי אויף וואָסערען עס איז אַנדערען וועג. פּאַקטיש קומט אַלע מאָל אויס אַז דאָס פּובליקום ליעגט פאָלקאָם אין דיא הענד פון דיא מאָנאָפּאָליסטען און ווערט געשאָרען פון זיי, וויא דיא שעפּסען. נאַטירליך האָבען צו ליידען דערפון אַלע גלייך; אָבער ניט פאַר אַלעמען האָט דער ליידען א גלייכע בעדייטונג. פאַר דעם קליין־מענשעלע האָט ער א פּיעל גרעסערע בעדייטונג. וויא פאַר דעם פּראָלעטאַריער, ווייל דער פּראָלעטאַריער, וויא מיר האָבען פריהער אָנגעדייטעט, זיכערט זיין עקזיסטענץ ניט דורך דיא פאַרביליגונג פון זיין לעבען, נאָר דורך א העכערען לוין, ווערליג פאַר דעם קליין־מענשעלע איז דיא ביליגקייט פון לעבען אַן אמת'ע לעבענס־פראַגע. קיין וואונדער ניט, אַז ער פערהאַסט אָט די שטעדטישע, וויא איבריגענס, אַלע אַנדערע, גרויס־קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָליעס מיט אַלע נערוועז פון זיין האַרץ און לאָזט צו זיי אויס זיין גאַנצען לעקסיקאָן פון שימפּף־ווערטער. ער דערמאָהנט זיך פּלוצלונג אַז דאָס אייגענטהום האָט זיינע פפליכטען אזוי גוט וויא זיינע רעכטע, אַז זיין היילינקייט האָט איהרע גרענעצען אין דעם וואָהלזיין פון אַלעמען און אַז דער, וואָס „מיסברויכט“ דאָס אייגענטהום בלויז פאַר זיינע „עגאָאיסטישע“ צוועקען, איז א פאַרברעכער, און מען מעג זיין אייגענטהום'ס־רעכט באַשרענקען אָדער צונעהמען.

דאָ טאַקע, אין דיעזער קליין־בירגערליכער שטיממונג, האָט דער „מוניציפּאַל־סאָציאַליזמוס“ געפונען א הילכיגען אָבקלאַנג: דער קליין־מענשעלע האָט דערזעהען אין איהם א געגנער פון פּריוואַט־מאָנאָפּאָל, וועלכער וועט פאַרביליגען דיא קאסטען פון'ם שטאָדטישען לעבען. אמת, אלס א שטייער־צאָהלער, איז דער קליין־בירגער פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז דיא מוניציפּאַל־אונטערנעהמונגען זאָלען אָבוואַרפען וואָס מעהר פּראָפיט; דאָס מיינט, אונטער גלייכע אומשטענדע, הויכע פּרייזען אויף דיא פּראָדוקטען. אָבער דער קליין־מענשעלע האָט געוואוסט פון זיין אייגענער ערפאַהרונג אין דער צייט, ווען דיא פּריוואַט־מאָנאָפּאָל האָט געהערשט, אַז הויכע פּרייזען באַשרענקען דעם פערברויך און הרג'ענען זיך אליין אוועק. ער איז דעריבער פון אָנפאַנג אַן ענטשיעדען איינגעטראָטען פאַר ביליגקייט, און זיינע האָפפנונגען האָבען איהם ניט געטוישט. מיר האָבען געזעהען, וואָס פאַר פיינע געשעפטען דער קליין־בירגער מאַכט פון זיינע מוניציפּאַל־אונטערנעהמונגען, אַלס שטייער־צאָהלער. א פּאָאָר ציפערן וועלען זיין גענוג צו בעווייזען, אַז ער מאַכט אויך ניט שלעכט, אַלס קאָנסומענט.

נעהמענדיג צוערשט גאַז — אַן אַרטיקעל וואָס לאָזט זיך לייכט מעסטען אין פּרייז — געפינען מיר אַז אין בירמינגהאַם איז דער פּרייז זייט דיא אנשטאַלטען זיינען מוניציפּאַליזירט געוואָרען, געפאַלען פון 3 ש. — 3 ש. 6 פּ. אויף 2 ש. — 2 ש. 6 פּ. פּער 1000 קוביק פוס אין מאַנטשעסטער — פון 3 ש. אויף 2 ש. 3 פּ. פּער 1000 ק. פ., אין גלאַזגאַ — פון 4ש. 7 פּ. אויף 2 ש. 6 פּ. פּער 1000 ק. פ., אין ליעדז — פון 3 ש. 9 פּ. אויף 2 ש. 3 פּ. פּער ק. פ., אין נאָטטינגאַם — פון 3ש. 10 פּ. אויף 2 ש. 2 פּ. פּער 1000 ק. פ. א. ז. וו. פאַר עלעקטריציטעט זיי־

נען די פּרייזען געפאַלען זייט דיא אנטשטאַלטען זיינען אויסגעקויפט געוואָרען, אין ליווערפּול פון 7½ פּ. אויף 4 פּ. פּער קילאָוואט, אין ליעדז פון 6½ פּ. אויף 4 פּ. פּער קילאָוואט, אין מאַנטשעסטער פון 8 פּ. אויף 4 פּ. פּער ק., אין האַראַגעט פון 7 פּ. אויף 4 פּ. פּער ק. א. ז. וו. אין אלגעמיין האָבען אין יאָהר 1903 דיא 90 פּריוואַט־קאָמפּאַניעס אין ענגלאַנד גענומען אין דורכשניט 49 פּ. פּער קילאָוואט און דיא 181 מוניציפּאַליטעטען — 3.8 פּ. פּער קילאָוואט.

וואָס אנגעהערט דיא טראַמוויים, זאָ געפינען מיר אז צ. ב. אין גלאַזגאָ, זייט פּריוואַט־ווירטהשאַפט איז אָבגעשאַפט געוואָרען, איז דער טאַריף געפאַלען אין דורכשניט פון 0.9 פּ. אויף 0.5 פּ. פּער מייל אויף א פּאַזאַזשיר, אין לאָנדאָן פון 9 ס. אויף 8 ס. פּ. פּער מייל אויף א פּאַססאַזשיר. אין ליעדז פון 3. ס אויף 0.5 פּער מייל אויף א פּאַססאַזשיר, אין ליווערפּול אויף 30 פּראָצענט, אין בראַדפאָרד אויך אויף 30 פּראָצענט א. ז. וו. אין אלגעמיין גענומען, גיבט עס קיין שטאָדטישע אונטערנעהמונג ניט, וואָס האָט ניט זעהר שטאַרק פאַרביליגט איהר פּראָדוקט זייט זיא איז אריינגעפאַלען אין דיא הענט פון'ם מוניציפּאַליטעט. אין וואַססער־פערזאָרגונג געהט דער פּראָצעס אזוי ווייט, אז פיעלע שטעדט מאַכען גאָר קיין פּראָפיט ניט און פערקויפען דעם אַרטיקעל צום אייגענעם קאָסט־פּרייז.

דערפון קען מען זעהן, וואָס פאַר טיכטיגע נוטצען דער „מוניציפּאַל־סאָציאַליזמוס“ האָט געבראַכט דעם קליין־בירגער. וואַססער און בעלייכטונג שפּיעלען א גרויסע ראָלע אין דעם אלטעגליכען לעבען און דיא פאַרביליגערונג פון דיא ביידע אַרטיקלען האָט א וויכטיגען איינפלוס אויף'ן ביודזשעט. וואַססער, צ. ב. ווערט געברויכט ניט נאָר צום טרינקען, נאָר אויך צום קאָכען, וואַשען, רייניגען א. ד. ג. עס איז אויסגערעכענט אז א קולטור־מענש דאַרף פאַרברויכען ניט ווייניגער וויא 22 גאַללאָנס א טאָג, ד. הייסט העכער 8 טויזענד גאַללאָנס א יאָהר, הגם דער טאַריף פאַר וואַססער־געברויך האָט אָפטמאָל קיין שייכות ניט מיט דיא קוואַנטיטעט, וואָס ווערט פאַרברויכט, און בילדעט בלויז א געוויססען פּראָצענט פון דער רענט, דאָך געפינען שוין דיא פּריוואַט־קאָמפּאַניעס מיטלען וויא אזוי, צו העכערן דעם פּראָצענט גופא, ענטוועדער צו דורך דעם וואָס זיי בערייסען דעם קאָנסומענט פאַר יעדען איבעריגען גאַללאָן וואַססער, וואָס ער פאַרברויכט, אָדער וואָס זיי באַשרענקען דיא קוואַנטיטעט וואָס ער מעג פאַר זיין געלד באַנוטצען. ווערדליג, צ. ב. גלאַזגאָ צאָהלט א קאָנסומענט אין א דירה, וואָס קאָסט 30 פונט א יאָהר רענט, בלויז 2 ש. 6 פּ. פאַר אן אונבעשרענקטע קוואַנטיטעט וואַסער, האָבען דיא לאָנדאָנער ביז דיא לעצטע צייט ווען דיא וואַססער־פערזאָרגונג איז נאָך געלעגען אין פּריוואַטע הענט, געצאָהלט פון 30 ביז 56 ש. א יאָהר, חוץ נאָך באַזונדער פאַר יעטוועדע וואַנע אין הויז און פאַר באַגיסען א גאָרטען! עס פערשטעהט זיך אז דאָס מאַכט אויס זעהר א גרויסען אונטערשיעד אין דעם הויזליכען ביודזשעט פון א קליין־מענשעלע. עהנליך מיט דיא טראַמוויים, עס מאַכט א בעדייטענדען אונטערשיעד, אויב זיי זיינען גוט און ביליג, אָדער שלעכט און טהייער, מחמת אין לעצטען פאַל מוז דער קליין־מענשעלע וואָהנען נאָהנט אין שטאָדט און צאָהלען א הויכע רענט, ווערדליג אין ערשטען פאַל קען ער זיך באַזעטצען אויסער דער שטאָדט, וואו דיא הייזער זיינען בילליגער.

מיר קענען איצטער פערשטעהען, פאַר וואָס דער קליין־מענשעלע איז אזוי ענטהוזיאַסטיש פאַר דעם „מוניציפּאַל־סאָציאַליזמוס“, וואו נאָר דער געדאַנק דערפון קומט ארויף: ער איז איהם א גוטער הילפס־מיטטעל אין זיין קאַמפּף אום עקזיסטענץ. אונטער דיא היינטיגע אומשטענדע, וויא מיר האָבען געזאָגט פריהער, קען ער נאָר בעהויפּטען זיין פּאָזיציאָן דורך אונטערקאָנסומציאָן, און אזוי וויא דאָס האָט זיינע געוויסע גרענעצען, דערפאַר בעגריסט ער אַלעס, וואָס פאַרביליגט דיא פאַבריק'ס־אַרטיקלען.

אָבער דאָך ניט אַלעס! שלאָגט איהם פאַר צו מוניציפּאַליזירען דיא בעקערייען, דעם קוילען־פאַרקויף, דיא רעסטאָראַנטען, דיא „סאַלונען“ — אין קורץ, דיא צווייגען פון פּראָדוקציאָן אין פאַרטהיילונג וואָס ריהרען אן דיא פאָלקס־מאַססען נאָך פיעל טיעפער וויא דיא וואַססער־פערזאָרגונג אָדער דיא בעלייכטונג, און ער וועט זיך אָוועקשטעלען געגען אייך וויא א צובייזעטער לייב. סטייטש! וועט ער זאָגען, דאָס איז דאָך ניט קיין מאָנאָפּאָל! אין אנדערע ווערטער, דאָס ליעגט דאָך ניט אין דער האַנד פון דעם גרויס־קאַפּיטאַל! אָט דאָ קומט ארויס די אמת'ע קליין־בירגערליכער געשטאַלט פון זיין „מוניציפּאַל־סאָציאַליסטישען“ אידעאַל. פאַר דעם פּראָלעטאַריער, און וויא ווייט ער איז איבערהויפּט פאַראינטערעסירט אין דער ביליגקייט פון זיינע קאָנסום־אַרטיקלען, מאַכט עס קיין ברעקעל אונטערשיעד ניט, ווער עס פּראָדוצירט זיי אָדער פאַרטהיילט, און אז שוין מוניציפּאַליזירען דיא בעטרעפענדע צווייגען, איז עס פאַר איהם פאָלקאָם גאַניץ איינס, צו זיי ליעגען אין דיא הענט פון דעם גרויס — אָדער פון דעם קליין־קאַפּיטאַל. פאַרקעהרט, גראַד אין דער פּראָדוקציאָן און פאַרטהיילונג פון דיא ערשטע לעבענס־מיטלען איז דער קליין־קאַפּיטאַל זעהר שטאַרק בע־

טהייליגט, ווייל זיי זיינען געווען דיא לעצטע צו פארלאזען דעם פאמיליען-היים און האבען זיך דעריבער נאך ניט ענטוויקעלט דורכאויס קאפי־טאליסטיש. בכן ליעגט עס אין דער אינטערעסע פון דעם פראלעטאריער צו מוניציפאליזירען אט דיא צווייגען וואו עס הערשט דער קליין-קאפי־טאל. ניט אזוי אבער, נאטירליך, פאר דעם קליין־מענשעלע, מוניציפאליזירען דיא פראדוקציאן און פערטהיילונג פון דיא ערשטע לעבענס-מיט־לען הייסט אוועקנעהמען פון איהם דאס לעצטע שטיקעל ברויט, און דא ווערט שוין ביי איהם ענטשוויגען זיין אפעטיט פאר ביליגקייט. דא פארגעסט ער שוין זיינע פריהערדיגע רייד וועגען דיא „פליכטען" פון פריוואט-אייגענטהום, ווע־גען דעם פארברעכען צו באנוטצען דאס אייגענ־טהום'ס-רעכט פאר „עגאיסטישע" צוועקען, — דא ווערט ער פלוצלינג בייז און שרייט וויא דער שלאכציץ אין פוילישען סיים: „נע פאזוואַ־לאם!"

אט אין דעם פונקט שטויסט זיך אן דער „מוניציפאל-סאציאליזמוס" אן זיינע נאטירלי־כע גרענצען. אין ענגלאנד, אין דער היימאטה פון מוניציפאל-סאציאליזמוס, אגיטירט מען שוין יאהרען לאנג פאר דיא מוניציפאליזירונג פון בעקערייען און קוילען-פערקויף, אבער עס געהט ניט פון פלעק. דיא אגיטאציאן געפינט א העפטיגען ווידערשטאנד ניט נאר אין פארלא־מענט און מיניסטעריום, נאר, נאך אין א הע־כערען גראד, זייטענס דיא בירגערליכע מוניצי־פאליראטארס. אט איז צ. ב. וויא עס רעדט מר. עדווארד ארפארד סמיט, דער אלטער טוין־קלערק פון בירמינגהאם — דער מעקקא פון מו־ניציפאל-סאציאליזמוס — און א גרויסער פער־עהרער פון טשעמבערליין. די סצענע קומט פאר אויף א זיטצונג פון דער פארלאמענטארישער קאממיסיאן איבער „מוניסיפאל טריידינג" פון 1899, וואו מר. סמיט איז געווען אן עדות, און דיא פראגעשטעללער זיינען דיא פארשיעדענע מיטגליעדער פון דער קאממיסיאן.

פראגע: קענט איהר אונז זאגען, וואו עס דארפען זיין דיא גרענצען פון מוניציפאל-אונ־טערנעהמונגען?

ענטפער: דאס איז זעהר שווער צו זאַ־גען. עס ווענט זיך וואס פאר א מוניציפאליטעט דאס איז.

פ.: דהיינו, אז מען וואלט פארגעשלאגען אין בירמינגהאם אז דער מוניסיפאליטעט זאל זיך בעשעפטיגען מיט'ן פערקויף פון געטרענק, — וואס וואלט איהר געזאגט?

ע. — איך וואלט געזאגט אז דאס ליעגט אויסער דיא גרענעצען פון מוניציפאלע טהעטיג־קייט. איך וואלט אויך געווען געגען מוניציפאל־בעקערייען.

פ. — מיינט דען דאס ניט צו זאגען, אז מוניציפאל-אונטערנעהמונג איז בערעכטיגט אין אזוינע צווייגען וואס טראגען א כאראקטער פון א מאנאפאליע און טאר ניט אריינמישען זיך אין פריוואט-אונטערנעהמונגען?

ע. — איך גלויב עס איז א ריכטיגער פרינ־ציפ. אלעס, וואס איז א עפפענטליכע מאנאפא־ליע, דארף ליעגען אין דיא הענט פון דעם מוני־ציפאליטעט.

פ. — זאל דער מוניציפאליטעט עפענען א ווערקשטאט, צו מאכען שטיוועל און שיך, — אפילו פאר זיינע אייגענע ארבייטער?

ע. — דורכאויס געגען, מחמת דאס וואלט געהייסען קאנקורירען מיט דעם פריוואט-מאן, ווען עס איז ניט בערעכטיגט. דיא פאבריקאציאן פון שיך איז ניט קיין מאנאפאליע און עס איז אויך ניט קיין סאניטארנע בעדירפנים.

פ. — איהר ווילט דען ניט זאגען אז א מוניציפאליטעט האט דאס רעכט צו האנדלען אדער פראדוצירען, וואס ער וויל אבי ער קען נאר מאכען א גוטען פראפיט?

ע. — אין קיין פאל ניט — חוץ ווען עס האנדעלט זיך, אום א מאנאפאליע.

— — — — — — — — — — — — — — —

מען זעהט, וויא אונזער מוניציפאליזאטאר איז ארויסגעקומען אויף דעם גראדען וועג, צו־ערשט האט ער אליין ניט געוואוסט, אויב דער מוניציפאל-סאציאליזמוס האט וואסערע עס איז גרענעצען, — עס ווענט זיך, זאגט ער, אן דעם מוניציפאליטעט, וויא באלד אבער מען האט איהם אויפגעוויזען אנדערס, האט זיך זיין גאנ־צער קליין-בירגערליכער אינסטינקט אויפגע־חאפט און אונטערגעזאגט, אז דאס איז טאקע אזוי: נאר א מאנאפאליע מעג מען מוניציפאלי־זירען. איצטער זיינען שוין דיא טריט זיינע געווארען זיכער: בעקערייען — ניט, סאלונען — ניט, ווערקשטאטען — ניט, מחמת דאס זיי־נען ניט קיין מאנאפאליעס ד. ה. זיי ליעגען ניט אין די הענט פון דעם גרויס-קאפיטאל, און אנצו־ריהרען זיי הייסט אנצוריהרען פריוואט-אונטער־נעהמונג (ד. ה. קליין-קאפיטאל).

אזוי וויא ענגלאנד, אזוי איז אומעדום, אין מאנכע ערטער אין פראנקרייך אדער איטאליען געלינגט עס ווען ניט ווען צו מוניציפאליזירען אויך דיא בעקערייען אדער „סאלונען", אבער דאס איז דיא ארבייט פון דעם פראלעטאריאט, וועלכער האט פארכאפט דיא מאכט אין שטאדט. דאריבער טאקע האלט עס ניט לאנג אן. דיא קליין-בורזשואזיע ווערט צורייצט, פאראייניגט זיך מיט דיא אנדערע קאפיטאליסטישע קלא־סען, פארטרייבט דעם פראלעטריאט און שאפט אב דיא מוניציפאל-בעקערייען מיט דיא מוניציפאל „סאלונען."

רעמבראנדט הארמענסזאן וואן רין.

(צום 300 יעהריגען יובילעאום.)

דער אָנפאַנג פון זיבעצעהנטען יאהר־הונדערט ווערט בעצייכענט אין דער געשיכטע פון האָללאַנד אַלס דיא צייט פון איהר נאַציאָנאַלען נײַ־געבאָרען ווערן. ביז דעם אָנהויב פון יענעם יאהר־הונדערט איז דיא קליינע מדינה, וועלכע איז בעשטאַנען פון זיבען פּראָווינצען, געווען אונטער דעם יאָך פון שפּאַניען. זייענדיג אונטער דעם יאָך פון דער הערשענדער קאַטוילישער נאַציאָן מיט איהר יעזואיטישער פּאָליטיק, האָט האָלאַנד ניט געקענט ענטוויקלען זיך זעלבסטשטענדיג און האָט ניט געקענט אויסצייכענען זיך מיט עפּעס אָריגינעלעס ניט אין דער קונסט, ניט אין ליטעראַטור און ניט אין וויסענשאַפט.

דורות פון ביטערן קאַמפּף האָט דאָס גענומען, לאַנגע יאָהרען פון מלחמה האָט דאָס געדויערט, אונגעהייערע אָפּפער האָט דאָס געקאָסט דעם האָלענדישען פּאָלק ביז זיין העלדישע אַנשטריינגונג איז איהם געלונגען און ער האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון אַ הערשענדער נאַציאָן, האָט צוריסען דיא שפּאַנישע קייטען, וועלכע האָבען איהם געהאַלטען געפּענטעט און וועלכע האָבען פּאַראַליזירט זיינע כוחות, — איז געוואָרען אונאַבהענגיג, האָט זיך געעפּענט אַ פרייען וועג פאַר אייגענער ענטוויקלונג און דיא זיבען פעראייניגטע פּראָווינצען זיינען אַנערקענט געוואָרען אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע מלוכה פאַר זיך.

דיא ווידערגעבורט פון דער קליינער מדינה'ס זעלבסטשטענדיגקייט האָט געבראַכט מיט זיך מאַטעריעלען וואהלשטאַנד. דיא פּראָווינצען האָבען אָנגעהויבען צו בליהען, אין דיא האַפען־שטעדט האָט זיך ענטוויקעלט לעבעדיגע טהעטיגקייט און רייכער האַנדעל, און דערמיט האָט זיך אָנגעהויבען אויך דאָס נײַ־געבאָרען ווערען פון דער האָלענדישער קולטור, דאָס אויפבליהען פון נאַציאָנאַלער קונסט, דאָס שטייגען פון פרייען גייסט אין אַלע טהיילען פון דעם לעבען פון דער קליינער נאַציאָן: וויסענשאַפט און ליטעראַטור האָט אויפגעלעבט אין דיא אוניווערזיטעטען; פּאָעזיע און דראַמאַ האָט בעגייסטערט דעם לעבען פון דיא איינצעלנע בירגער און דיא קונסט האָט געפונען אַ היים ניט בלויז אין דיא גרויסע האָלענדישע האַנדעלס־שטעדט, נאָר אויך אין דיא פּראָווינצען, וואָס דאָס האָט זיך אויסגעדריקט שטאַרקער פון אַלעס אין דער מאַהלעריי. דיא בעדערפנים פון קונסט איז געווען אין דיעזער מדינה נאָך פון אַלטע צייטען, נאָר מיט דעם נצחון פון דעם פרייהייטס־קאַמפּף, איז נאַטירליך דיזע בעדערפנים געשטיגען.

דאָס איז געווען אַ צייט פון נייע אידעען בכלל און פון נייע אויפפאַסונגען אין דער קונסט בפרט, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען מיט דער רעפאָרמאַציאָנס־בעוועגונג אין דער רעליגיאָן. דיא יונגע פּראָטעסטאַנטישע בעפרייטע מדינה האָט זיך גענומען אַ נייעם שניט. דיא אַלטע קאָנווענציאָנעלע פאָרמען, וויא אין דער רעליגיאָן אזוי אויך אין פילאָזאָפיע און קונסט, האָבען אויסגעלעבט זייער צייט. דאָס בעפרייען זיך פון דעם אויסערליכען דרוק האָט געבראַכט בעגייסטערונג אין דעם אינערליכען לעבען פון פאָלק און דאָס נייע לעבען האָט געפאָדערט נייע אידעאַלען, האָט געבראַכט נייע אויפפאַסונגען, נייע בעגריפען וועגען זאַכען און דאָס אַלעס האָט זיך געמוזט אויסדריקען אין נייע פאָרמען.

אזוי איז תמיד דיא געשיכטע פון בעפרייאונג פון אַ פרעמדען יאָך, דיא געשיכטע פון אויסקעמפּפען אונאַבהענגיגקייט און זעלבסטשטענדיגקייט אין דעם לעבען פון אַ פּאָלק, מעג זיך דאָס פּאָלק זיין וועגר ווייס וויא קליין.

דיא נייע בעגריפע און פאָרמען אין דער קונסט האָבען געפונען אַ שטאַרקען אויסדרוק אין דער האָלענדישער מאַהלעריי. דער קינסטלער, דער מאַהלער האָט וואָס ווייטער אַלץ מעהר אויפגעהערט אויסצוקלייבען פאַר אַ גענענשטאַנד צו מאָהלען בלויז הייליגע אָדער רעליגיעזע זאַכען און דיזע גופא צו מאָהלען לויט דער אויפפאַסונג פון דער רוימישער קירכע. דער מאַהלער האָט אָנגעהויבען קוקען אויף זאַכען מיט אַ מעהר מענשליך־נאַטירליכען בליק, אָדער פשוט געזאָגט מיט דיא אויגען פון אַ בשר־ודם. פריהער האָט דיא מאַהלעריי געדינט בלויז אויף אויסצופוצען דיא קלויסטערס מיט

גענומענע רעגעלען פון דיא קונסט־אקאדעמיעס, האָט ניט געזוכט יוצא צו זיין פאר דער מיינונג פון יעזואיטען־גלחים, נור האָט זיך ערלויבט זיין אייגענעס, אינדיווידועלעס אריינצוטראָגען אין זיין מאַהלעריי מאָהלען דאָס וואָס האָט זיך איהם בפרטיות געוואָרפען אין דיא אויגען און געמאַכט אויף איהם אַן איינדרוק און אויב אפילו בילדער פון דער ביבעל מאָהלען דאָס מיט

זיין בילד פון זיין פרוי „סיסקאַ אין א העט“, — דרזעדען גאללערי

דער בעלייכטונג, וויא זיין גייסט פאַסט דאָס אויף, וויא עס שטעלט זיך פאָר זיין פאַנטאַזיע.

דע העכסטען פלאַץ אין דיזען מין מאהלע־ריי פערנעהמט אין דער האָלענדישער שוהלע גופא רעמבראנדט, וועלכער האָט געליעבט, געווירקט און געשאַפט זיינע געניאַלע בילדער אין דער צייט פון האָלאַנדס ווידערגעבורט, פון איהר זעלבסטשטענדיגען, אונאַבהייננגיגען אויפ־

לעבען. רעמבראַנדטס גאונות אין דער מאַהלעריי קונסט איז בעשטאַנען אין דער וואונדערליכער פעהיגקייט דורך פּאַסיגע פאַרבען און קאָלירען איבערצוגעבען אַ שטיק נאַטור טריי, וואַהרשיינליך און אַריינגעבען אין דע בילד דיא לעבעדיגקייט און דעם חן פון זיין אייגענער טרוימערישער, רייכער פאַנטאַזיע. זיינע גאונות איז געלעגען אין זיין וואונדערליכער פאָרשטעלונגס קראַפט און שאַפונגס־קראַפט. אין דערזעלבער צייט, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט זיין אייגענע רייכע פאַנטאַזיע אין דיא זאַכען וואָס ער האָט געמאָלען האָבען זיינע בילדער אויף



דעם מאהלערס בילד פון זיך אליין אין דער נאציאָנאלער גאללערי, לאָנדאָן.

בעפריעדיגט דיא נייע פאָדערונגען פון זיינע לאַנדסלייט. ער האָט אין דער מאַהלעריי־קונסט דערגרייכט צו אַזאַ פאָלקאָמענהייט, אַז ער ווערט דעריין געדעכענט ניט בלויז דער גרעסטער

גאון פון האָלענדישער מאַהלעריי נאָר אויך דער העכסטער און אָריגינעלסטער אין דער וועלט פאַר אַלע צייטען.

מען ווייס נאָך עד היום ניט גענוי דעם יאָהר, ווען רעמבראַנדט איז געבאָרען געוואָרען, אָבער דאָס איז געווען לערך צווישען 1608—1606 אין דעם געגענד פון דער שטאָדט ליידען. זיין פאָטער הארמען וואַן רין (פאָן רהיין) האָט געהאַלטען אַ מיהל לעבען אַ טייך, וואָס פליסט ארויס פון דעם רהיין, און האָט נאָך געהאַט צו איהם אויסער דעם קינסטלער נאָך אַ פינף קינדער. רעמבראַנדט איז געווען דער פינפטער פון הארמענס זעקס קינדער. זיין פאַרנאָמען איז רעמבראַנדט, נאָך דעם פאָטער נאָך הארמענס-זאאן (הערמאַנס-זאָהן) און וואַן רין איז דער צונעמענעם צו דער גאַנצער משפחה, וואָס שטאַמט „פאַן רהיין". אלס אינגעל האָט רעמבראַנדט הארמענס וואַן רין בעזוכט אַ ליטיין-שוהל מיט דעם צוועק דערנאָך אַנצוקומען אין דעם אוניווערזיטעט פון ליידען. זיין פאָטער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זיין געבילדעט „כדי ווען ער וועט עלטער ווערען זאָל ער מיט זיין וויסענשאַפט קענען נוצען בריינגען דער שטאָדט און דעם שטאַאט." אָבער שוין אין זיינע פריהערע אינגעל-יאָהרען האָט זיך געוויזען זיין טאַלאַנט און זיין נייגונג צו מאַהלעריי און ער איז אָנגעקומען צו אַ מאַהלער, וועלכער האָט געלעבט דאָן אין ליידען, מיט דעם נאָמען יאַקאָב פאָן שוואַנענבורג. נאָך דעם וויא ער האָט זיך ביי איהם געלערנט דריי יאָהר איז ער געשיקט געוואָרען קיין אַמסטערדאַם און האָט זיך געלערנט ביי דעם דאַמאָלסדיגען בעוואוסטען מאַהלער פיעטער לאַסטמאַן.

ביידע לעהרער זיינע האָבען בעלאַנגט צו דער איטאַליענער שוהל פון מאַהלעריי; זיי האָבען זייער קונסט-בילדונג גענאָסען אין רוים, וואו זיי האָבען געשטודירט, און אין אַלע זייערע בילדער האָט מען געקענט זעהען דיא נאַכאהמונג פון איטאַליענער קינסטלער. אָבער לאַסטמאַן האָט אין זיך געהאַט אַ גרויסע פעהיגקייט, וועלכע ער האָט גע'ירש'ענט פון זיין בעוואוסטען לעהרער אדאַם עלסהיימער. דיזער מייסטער האָט זיך נעמליך אויסגעצייכענט מיט דער בעזונדער שטאַרקייט פון לייכט-ווירקונג אין זיינע בילדער. ד. ה. ער פלעגט צוגעבען זיינע בילדער אַ בעזונדער רייץ דורך קענען איבערגעבען דיא ווירקונג פון דעם שיין פון אַ לאָמפּ, פון פייער, פון דער זונן אָדער לבנה אויף אַ געוויסער זאַך. מען נעהמט דארום אָן, אַז דיא בעזונדערע פעהיגקייט פון רעמבראַנדט אין כאַראַקטעריזירען אַ זאַך, אַ פנים, אָדער אַ צושטאַנד אין אַ גאַנצע גרופען-בילד דורך אַ שטראָם ליכטיגקייט, מיט וועלכע עס ווערט בעגאָסען אַ געוויסע זייט פון בילד, האָט ער אָנפאַנגס איבערגענומען פון זיין לעהרער. רעמבראַנדט איז דעריין אָבער בעזונדער אָריגינעל.

ווען מען בעטראַכט זיינע בילדער אפילו ניט מיט דיא אויגען פון אַ גרויסען מבין, וואַרפט זיך דיזע כאַראַקטעריסטיק גלייך אין דיא אויגען: דיא ליכטיגקייט, וועלכע בעשיינט געוויסע זייטען פון געשטאַלט אָדער פון בילד, רופט ארויס דעם הויפּט איינדרוק אין רעמבראַנדטס מאַהלערייען. דעריין זעהט מען דיא גאַנצע נשמה פון דער זאַך, וואָס דער גרויסער מייסטער האָט געוואָלט פאַרשטעלען אין דעם געמאָלטען בילד. דיא צווייטע בעזונדערע גרויסקייט, מיט וועלכע עס האָט זיך אויסגעצייכענט רעמבראַנדט, וויא זיינע קריטיקער ערקלערען, איז דיא פעהיגקייט צו צייכנען, אויפצייכנען עפּעס דורך שטריכען אויסגעקינסטעלטע אַלטאַר-בילדער, אויסצופיינען דיא פּאַלאַצען פון פירסטען מיט רייכע אויסמאָהלונגען פון געטער-געשיכטעס אָדער צו בעצירען זיי מיט אויסגעמאָלטע פאָרשטעלונגען פון אַלטע גבורים, פון גלאַנציגע ריטטער-געשיכטעס. אין דער בעפרייטער מדינה האָט זיך דאָס געענדערט; עס האָט זיך שוין געפאָדערט דיא קינסטלערישע פערשעהנערונג אין דעם לעבען פון פאָלק גופא; אין דיא ראַטה-הייזער און מלוכה-געביידעס, אין דיא שטאָדט-פערוואַלטונג און אין דיא בנינים פון גילדעס האָט אָנגעהויבען אריינגעבראַכט ווערען דיא נויטיגקייט פון מאַהלערישע פערשעהנערונגען; אין דיא בעקוועמערע וואָהנונגען פון דיא בירגער אליין האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען דיא פאָדערונג פון קונסט-בילדער אָדער פון קינסטלערישע בעצירערונג און בעפּוצונג.

וויא נאָר דיא מאַהלעריי איז געוואָרען אַ בעדערפעניס פון פאָלק, פון דעם בירגער, האָט זיא שוין געמוזט אָבשפּיגלען מיט זיך דאָס בילד פון פאָלקס אייגענעם לעבען. דעריין צייכענט זיך אויס דיא האָלענדישע מאַהלעריי; זיא האָט געגעבען בילדער פון פאָלקס לעבען, געטריי איבערגעגעבען אויף'ן לייוואַנד דעם לאַנדשאַפט, דיא פעלדער, דעם הימעל, דיא טייך, דעם אַלטען מיהל, דעם דאָרף, דעם מענשען, די בהמה און דיא מענשליכע בעשעפטיגונג אזוי וויא דעם מאַהלערס אויג זעהט זיי אין דער ווירקליכקייט ארום זיך, אין זיין אומגעבונג, מיט זיין אייגענע בליק. דער האָלענדישער מאַהלער האָט ניט קאָפּירט נאָך דיא פאָרשריפטען פון דער רעליגיאָן, האָט ניט אָבגעהיט דיא אָנ-

מיט דער צייכנונגס־נאָדעל (קופּער־שטיך) אָדער וויא מען רופט דאָס אין דער מאַהלעריי־קונסט „ראַדירען“.

אויסצורעכענען אַלע בילדער, וועלכע רעמבראַנדט האָט געשאַפט און מיט וואָס יעדע פון זיי צייכענט זיך אויס, איז אונמעגליך אין אַ קורצען זשורנאַל־אַרטיקעל. דאָס איז ערשטענס דיא אויפגאַבע פון אַ פאכמאַן און אַ זאַך, וואָס מען דאַרף לאַנג שטודירען. דיא ערשטע צוויי בילדער, מיט וועלכע דער יונגער קינסטלער האָט זיך אויסגעצייכענט איז געשאַפען געוואָרען פון איהם אין יאָהר 1627. דיזע בילדער קומען ניט צו זיינע ווייטערע מאַהלערייען, אָבער אין זיי האָט מען שוין דערזעהען זיין אָריגינעלען טאַלאַנט און וויא ווייט ער איז אַוועק פון זיינע לעהרער. איינע פון דיזע איז „דער געלדוועקסלער“. דער וואָס גיט אַ קוק אויפ׳ן בילד ווערט גלייך געפּאַקט פון אַ פערדעקטער ליכט, וואָס דער וועקסלער האַלט אין האַנד און וויא פון איהר קומט מאַלעריש אַרויס דיא העל־דונקעלע ווירקונג פון גאַנצען בילד.

גאונות בעשטעהט קיין מאָהל ניט בלויז אין דער אונבעוואוסטער מתנה פון דער נאַטור, וואָס איז אַריינגעגעבען געוואָרען אין דעם גאון, אין דער אונבעוואוסטער קראַפט פון זיינע נאַטירליכע פעהיגקייטען, מיט וועלכע ער צייכענט זיך אויס פון אַנדערע; דיזע אונבעוואוסטע מתנה פון דער נאַטור מוז זיין ביים גאון צוזאַמען מיט זיין בעוואוסטער טיכטיגער אַרבייטזאַמקייט גרינדליך און גענוי צו־צופּאַסען זיינע פעהיגקייטען צו דער זאַך, וואָס ער טהוט. רעמבראַנדט האָט אָנגעווענדעט זיינע כוחות בעזונדער גענוי אויסצושטודירען דעם צושטאַנד פון דער מענשליכער נשמה, פון זיין געמיטה, פון זיין פיהלען און דיינקען, וויא דאָס דריקט זיך אויס אין דיא סמנים פון זיין געזיכט, וויא דיא בעוועגונג פון דיא מוסקולען פון פּנים דריקען אויס דעם מענשענס כאַראַקטער, זיין אינערליכען „איך“ — קורץ, וויא אין פּנים שפּיגעלט זיך אָב דיא נשמה. אַלס אַ געגענשטאַנד צום שטודירען האָט ער גענומען זיין אייגענעם געזיכט. ער האָט זיך געצייכענט, קוקענדיג אין שפּיגעל, מיט אַ לאַכענדען פּנים, מיט אַ פערדרוסליכען פּנים, מיט אַ פּנים פון טיעפער פערצווייפלונג אָדער מיט פיעלע רוהע און צופריעדענהייט; מיט איין וואָרט ער האָט געשילדערט דעם אויסדרוק פון זיין אייגענע געשטאַלט אין אַלערליי לאַגעס, אין אַלע מיני צושטענדע פון זיין געמיטה. דערפאַר זעהען מיר אַזוי פיעל בילדער זיינע פון זיך אַליין. אַזוי אויך דיא מענשען, וואָס זיינען געווען נאָהענט צו איהם, זיין מוטער, זיין פרוי, זיין שוועסטער. ער אַליין און זיינע נאָהענטע האָבען איהם געדיענט אַלס מאָדעל פאַר פיעלע פון זיינע בילדער. זיין בעאָבאַכטונגס־קראַפט איז אַ ריין געטליכע. דעם געוועהנליכען מענשען וואַרפט זיך גאָר ניט אין דיא אויגען דאָס וואָס עס כאַפּט אויף דער גרויסער קינסטלער ווען ער פערזעהט עפּעס. האָט רעמבראַנדט געמאַלט אַ בעטלער, אַ פויער, אַן אַלטען מאַן, אַ פּראָפעסאָר, אַ קינד, אַ בעטעל פרוי אָדער סיוזשעטען פון דער ביבעל האָט זיך אין יעדער שטריכעל געזעהען דיא בעזונדערע אייגענשאַפטען און כאַראַקטעריציגע פון דער געמאָלטער פערזאָן. ער האָט אויך געקענט מיט אייניגע שטריכען איבערגעבען דיא בעזונדערע אייגענשאַפטען פון אַ כאַראַקטער אָדער פון אַ טיפּ.

אין יאָהר 1631 האָט רעמבראַנדט פערלאָזען זיין געבורטס־שטאָדט ליידען און האָט זיך בעזעצט אין דער גרויסער, שטאָלצער און רייכער הויפּט שטאָדט פון האָלאַנד, אין אַמסטערדאַם. ער איז אין גאַנצען דאַן אַלט געווען אַ יאָהר 25—24, ער האָט שוין אָבער בעקומען אַ שם אַלס גרויסער מייסטער. עס האָבען זיך ארום איהם אָנגעזאַמעלט מאַסען שילער, וואָס האָבען געשעפּט פון זיינע גאונות, וויא פון אַ לעבעדיגען קוואַל. מען דערצעהלט, אַז ער פלעגט זיינע תלמידים ניט לאָזען אַרבייטען צוזאַמען אין איין צימער, זיי פלעגען מוזען אַרבייטען אין בעזונדערע צימערלאַך כדי יעדערער פון זיי זאָל ניט פערלירען זיין אינדיווידואַליטעט אין דער אַרבייט, זיינע בעזונדערע אייגענשאַפטען פאַר דער קונסט; ער האָט זיי אָבגעהיט אַז זיי זאָלען ניט אַרויסקומען אַלע וויא צוגעשניטען נאָך דעם זעלביגען מוסטער, וויא עס איז דער פאַל געוועהנליך מיט שילער פון דעם זעלבען לעהרער און פון דערזעלבער שוהל. פאַר דער קונסט איז אָבער גלייכפאָרמיגקייט און שוהלמעסיגע צוגעשניטענקייט נאָך איין מוסטער אַ הריגה.

פאַר רעמבראַנדטס גייסט איז אַמסטערדאַם געווען דאַן אַן אונגעהייער פעלד פאַר בעאָבאַכטונג און אַ קוואַל פון וואַנען צו שעפּען סיוזשעטען. דיא ערשטע זאַך האָט ער זיך גענומען פאַר דעם אידישען קוואַרטאַל. דאָ האָט ער געקנט בעקומען דיא אינטערעסאַנטעסטע מאָדעלען פאַר זיינע בילדער; דיא אידישע כאַראַקטער־קעפּ האָבען איהם געדיענט אַלס מאָדעלען פאַר זיינע ביבלישע בילדער. דערצו איז דיא קליידונג פון אידען דאַן געווען אַזוי פאַנטאַסטיש כאַראַקטערנע, אַז פאַר זיין פאַנטאַזיע איז דאָס געווען אַ גאַנצער אוצר. אַהער פלעגען זיך צונויפפאָהרען סוחרים פון אַלע וועלט־טהיי־

לען, קוקענדיג אויף דיא כאראקטערנע פנים'ער פון אידען פלעגען זיך אין זיין פאנטאזיע פאר־שטעלען לעבעדיג דיא געשטאלטען פון אלטע פאטריאַרכען. ער האָט אין זיי געזעהען דיא פאר־טרעטער פון דעם אויסערוועהלטען פאלק און דאָס איז איהם געווען טהייער אום געשיכטליך וואהר צו זיין אין זיינע מאהלערייען, וועןערהאָט גענומען אלס סיוזשעטען ביבלישע ער־צעהלונגען. בעריהמט איז זיין בילד פון יענער צייט מנשה בן ישראל, וועלכער איז געווען א פאָרטוגעזישער איד, א שפראך־געלעהרטער, גרויסער ארצט און אָבער ראבינער אין אמסטער־דאם.

איבער 300 רעמבראנדט'ישע בילדער גע־פינען זיך צושפרייט אין פערשיעדענע מוזע־ען און קונסט־אקאדעמיען פון דער וועלט און וועגען יעדען פון דיזע בילדער וואָלט נויטיג געווען לאנג צו שרייבען אום צו כאראקטערי־זירען מיט וואָס אזא בילד צייכענט זיך אויס און אין וואָס דיא ויטקסעסרועיהאהי „הערגגלג און אין וואָס דיא גרויסקייט און קונסט־ווערטה פון אזא בילד בעשטעהט.

הויך איז אויפגעגאנגען דער שטערן פון דיזען זשעניע אין דער מאהלעריי־קונסט נאך אין זיינע גאנץ יונגע יאָהרען, און דאך איז דער שיקזאל געווען פאר איהם אונערבארעמליך אויף זיינע עלטערע יאָהרען. געשטאָרבען איז ער אין עלענד, כמעט א פערגעסענער פון אלעמען. זיי־נע קינסטלערישע ווערקע האָט אויף זיינע על־טערע יאָהרען קיינער ניט געזוכט; ער האָט ניט געהאט קיינע בעשטעלונגען און איז געשטאָר־בען אן אָרעמאַן אין אמסטערדאם אין 1669 יאָהר. ביז דעם פאָריגען יאהר־הונדערט האָט מען אפילו דיא גענויע געשיכטע פון זיין לע־בען ניט געוואוסט. עס זיינען נאָר געווען ווע־גען איהם אָנגעזאמעלטע מעשיות פון קינסט־לער־אינטריגעס און פערלוימדונגען. מען קען זיך פאָרשטעלען וויפיעל דער קינסטלער האָט אין זיין לעבען פון אזעלכע אינטריגעס געמוזט ליידען. נאָר אין דעם לעצטען יאָהרהונדערט איז איינינע פאָרשער געלונגען אויסצוגעפינען איני־גערמאסען דיא וואהרהייטליכע בעשרייבונג פון דעם לעבען פון דיזען גרויסען גאון אין דער קונסט, מיט דיא בילדער פון וועלכע עס קוויקט זיך נאך איצט דיא וועלט און וועלכע דיענען נאך אלס מוסטער און קוואל פון בעגייסטערונג פאר דיא קינסטלער פון דיא איצטיגע דורות.

מ. קאַטין.

אפאָריזמען.

פון ניקאָלאס טשעמפארט.

וואָס איז א פילאָזאָף? א מענש, וועלכער שטעלט ארויס געגען געזעץ — דיא נאטור; געגען דאָס, וואָס אָנגענומען — דעם שכל; זיין געוויסען שטעלט ער ארויס געגען דיא עפענט־ליכע מיינונג און זיין אייגענע מיינונג — גע־גען דיא טעות'ן פון דער וועלט.

ווען דיא קעניגע און פריעסטער האָבען פערדאמט דעם זעלבסטמאָרד, האָבען זיי גע־מיינט דערמיט אָנצוהאלטען לייגגער אונזער שקלאפעריי, זיי האָבען אונז אריינגעוואָרפען אין א געפענגניס אָהן אַן אויסגאנג.

וועגען דיא מעטאפיזיקער קען מען זאָגען: „מען דערצעהלט, אז זיי פאָרשטעהען זייער אייגענע שפראך. איך גלויב אָבער אין דעם ניט."

איינער האָט אמאָל געזאָגט: השגחה — איז דער נאָמען, וואָס מיר האָבען געגעבען דעם צופאל. א פרומער קען זאָגען פארקעהרט: צו־פאל איז דער נאָמען פון השגחה.

איך האָב אמאָל געהערט וויא א פרומער האָט געזאָגט צו מענשען, וועלכע האָבען גע־פיהרט א דעבאטע וועגען רעליגיאָן: „מיינע הערען, אן אמת'ער פרומער טראַכט ניט נאָך וועגען דעם, אין וואָס מען הייסט איהם גלויבען. דיא רעליגיאָן איז וויא א ביטערער פיל: ווען מען קאיט איהם, קען מען איהם קיין מאָל ניט ארונטערשלינגען."

אין גרויסע זאכען ווייזען זיך דיא מענשען ארויס אזוי, וויא זיי מיינען, אז מען ערוואַרט פון זיי. אין קליינע זאכען ווייזען זיי זיך ארויס, וויא זיי זיינען אין אמת'ן.

מיט דעם ווערטה פון מענשען איז דיא זעלבע זאך, וויא מיט דעם ווערטה פון דיאמאנ־טען: ביז צו א געוויסע גרויס, ריינקייט און פאָלקאָמענהייט האָבען זיי זייער באשטימטען און בעקאַנטען מקח. ווען זיי זיינען גרעסער האָ־בען זיין קיין בעשטימטען מקח ניט און עס גע־פינט זיך אויף זיי אויך ניט קיין קונים.

מען מוז זיין גערעכט, איידער מען איז גרויסמוטהיג. מען מוז פריהער האָבען העמדער, איידער מען האָט שפיצען.

היאוואטהא

פון הענרי וואדסוואָרטה לאָנגפעלא.

(איבערזעצט פון ענגליש) פון יהואש.

.6

היאוואטהא'ס חברים.

אויסגעוויהלט פון אללע אנדרע,
האָט צוויי פריינד זיך, היאוואטהא
צוגעטהאָן מיט ליעב און זעעל איהם,
און פאר זיי דאָס הערץ געעפענט,
סיי אין ליידען סיי אין פריידען;
טשיביאבאָס, דעם מנגן,
און דעם גרויסען גברן, קוואסינד.

צווישען זיי דער וועג איז קיין מאָל
ניט, מיט גראָז געווען באוואכסען;
פלוידער־זעק, רכילות־טרייבער,
זיססע מגילער, פאלשע צינגער,
האָבען נים געהאט קיין שליטה,
ניט געקענט דיא פריינד צושיידען;
פלעגען תמיד זיך בעראטהען,
נאקעט זיך דאָס הערץ אנטפלעקען,
פלעגען טראכטען פיעל און פלאנען,
וויא דיא שבטים צו באגליקען.

דאָך דער ליעבסטער היאוואטהאן,
איז געוועזען טשיביאבאָס,
ער דיא פער פון אלע שפילער,
ער דער זיססטער פון דיא זינגער,
קינדערש, שעהן געוועזען איז ער,
מאן אין מוטה און פרוי אין מילדקייט,
שלאנק געוואכסען וויא א ווערבע,
סטאלנע וויא א הירש מיט הערנער.

ס'דאָרף פלעגט האָרכען צו זיין זינגען,
אללע קריעגס־לייט פלעגען קומען,
אלע ווייבער איהם צו הערען;
באלד צופלאמט דיא הערצער האָט ער,
באלד צושמאָלצען מיט רחמנות.

זיך געמאכט פון טייך־ראָהר האָט ער,
פלייטען אזוי זיס מעלאָדיש,
אז דאָס טייבעל סעבאָווישא,
אויפגעהערט אין וואלד האָט מורמלען,
אויפגעהערט דיא פויגלאך זינגען;
ס'האָט דיא וועוורקע פארגעסען,
אויפ'ן דעמב צו באלעבאָטשען,
און דער קראָליק דער וואבאססא,
האט זיך אויפגעזעצט צו האָרכען.

יא, דאָס טייבעל סעבאָווישא,
האָט געזאָגט: אָ טשיביאבאס,
לערען מיינע וועללען פלי־...
אזוי ווייך וויא דיינע ליעדער.

כ'בלאָע פויגעלע אָוויססא,
האָט געשמאכט: „אָ טשיביאבאס,
לערען מיך דיא ווילדע טענער,
דיא משוגע־זיססע קלאנגען.

יא, דער שטיקליק דער אפיטשי,
זאָגט מיט פרייד, „אָה טשיביאבאס",
לעהרען מיר דיא צויבער טרעלען,
האָניג זיסע צארטע ליעדער,

און דיא נאכטשוואלב, וואוואָנייססא,
האָט געחליפעט: טשיביאבאס,
לערען מיך דיא טרויער טענער,
לערען מיך דיא קוממער ליעדער.

יעדער קלאנג פון דער נאטור־וועלט,
פון זיין ליעד פלעגט זיסקייט באָרגען.
אללע מענשענ'ס הערצער זיינען,
ווייך געוואָרען פון זיין נגון;
ער פלעגט זינגען בלויז פון פרידען
פרייהייט, שיינקייט, ליעבע, שמאכטען,
פון'ם טויט און אייביג־לעבען,
אויף דיא אינזלען פון צדיקים,
אין דעם קעניגרייך פאָנעמאה,
אין דער וועלט וואָס נאָך'ן קבר.

זעהר טייער היאוואטהא,
האָט געהאלטען טשיביאבאס,
איהם, דעם פער פון אללע שפילערס,
איהם, דעם זיססטען פון דיא זינגער,
האָט געליעבט איהם פאר זיין מילדקייט,
פאר דעם כשוף פון זיין זינגען.

דאָך געליעבט האָט היאוואטהא,
אויך דעם גרויסען גברן, קוואסינד,
איהם פון אלעמען דעם שטארקסטען,
איהם, דעם מעכטיגסטען אויף דער וועלט,
האָט געליעבט איהם פאר זיין כח,
פאר זיין קראפט געפּאָארט מיט גוטסקייט.

אינגעלווייז געווען איז קוואסינד,
פויל און לאנגזאם און פארשלאָפען,
פלעגט ניט שפיעלען מיט חברים,
פאנגען פיש צי פייגלאך שיסען,
וויא עס טהוען אלע אינגלאך,
דאָך מע פלעגט איהם אָפט זעהן פאסטען,
אָפט איהם הערען תפלות ריכטען,
צו זיין מאניטא, זיין מלאך.

„פוילער קוואסינד“ — האָט די מוטער,
איהם געשטראָפט — דו העלפסט מיך גאָר־נישט.
זוממער טרייבסטו פוסט־און־פּאַסס זיך,
אין די פעלדער און די וועלדער,
ווינטער זיצסטו איינגעקאָרצעט,
ביי דעם פייער פון'ם וויגוואם,
אין די קעלטסטע טעג פון ווינטער,
מוז איך ברעכען ס'אייז צום פישען,
און דו העלפסט מיך מיט דער נעץ ניט.
ביי דער טהיר די נעצען הייגגען,
נאסס און האלב שוין איינגעפראָרען,
געה, דרעה אויס זיי, דו לא־יוצלח,
געה און טריקען זיי אין זונן אויס.

לאנגזאם אויפגעשטעלט פון פייער,
האָט זיך קוואסינד אָהן א בייזער,
שטילערהייד ארויס פון וויגוואם,
און די נעצען ביין ארייגגאנג,
דורכגעווייקט און האלב פערפרוירען,
אויסגעדרייט וויא בינטלאך שטרוי האָט,
זיי וויא בינטלאך שטרוי צוריכען,
האָט זיי דרעהענדיג צוריסען
אזוי שטארק געוועזן זיין האנד איז.

„פוילער קוואסינד“ — האָט דער פאָטער
איהם געזאָגט — טויגסט צום געיעג ניט,
אלע בייגענס אלע פוילען,
פּראַצען אונטער דיינע פינגער,
קום אין וואלד און וועכט מיך העלפען,
כאָטש א היזם דיא יאגד צו ברייגגען.

דורך א שמאָלען וועג געגאנגען,
זייגען זיי פארלייגג א טייכעל,
וואו דער סליאד פון בופּעלאקסען,
זיך געזעהן אין ווייכען קויט האָט,
פלוצלונג זעהען זיי דאָס שטעגעל,
איז פערשפּארט מיט אלטע בוימען,
פון'עם שטורעם אויסגעוואָרצעלט,
און פאר לייגג און ברייט צואווארפען,
פעסט פערריגלענדיג דעם דורכגאנג.

„קום צוריק — געזאָגט דער גרייז האָט —
דאָ אריבער איז אונמעגליך,
ס'קען א מורמעל־טהיר ניט דורכגעהן,
און א וועווערקע אפילו,
קען דאָ ניט אריבערקלעטערן.

דאנן פעררויכערט האָט זיין פייפ ער,
און אוועקגעזעצט זיך טראכטען,
אָבער איידער ער בעוויזען
האָט צו ענדיגען זיין ליולקע,
אָבגעראהמט דער שטעג געוועזן איז;
קוואסינד האָט די דיקע שטאממען,
שנעל אויף רעכטס און לינקס צושליידערט,
סאָסנע בוימער פלינק וויא פיילען,
צעדער בוימער ליכט וויא שפּיזען.

„פוילער קוואסינד — האָט דאָס יונגוואָרג,
שפּילענדיג אין פעלד געזאָגט איהם —
אויפ'ן פעלז געלעהנט וואָס שטעהסט דו,
און באקוקסט אונז מעשה גולם? —
קומם און ראנגעל זיך וויא אלע,
קומם און שפּיעל מיט אונז אין וואַרפשטיין.“

קוואסינד האָט ניט אָבגעענטפערט,
זייער אויפרוף ניט געענטפערט,
האָט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען,
מיט די הענד דעם פעלז דעם גרויסען,
פון דער ערד ארויסגעריסען,

דאנן אין שטראָם ארייגגעשליידערט,
אין דעם שנעלען שטראָם פּאָוואטינג,
וואו מען קען איהם זעהן אום זומער.

איין מאָל אויפ'ן ווילדען וואסער,
אויף דעם שנעלען שטראָם פּאָוואטינג,
שפּיפּענדיג זיך מיט חברים,
קוואסינד האָט דערזעהען א ביבער,
דעם אמיק, דעם ביבער קעניג,
וויא ער שלאָגט זיך מיט די וועללען,
באלד ארויף און באלד ארונטער.

ניט א וואָרט געזאָגט האָט קוואסינד,
שנעלל אין טייך ארייגגעשפּרונגען,
אין די קאָכעדיגע וועללען,
און דורך ווילדע קעססעל־גריבער,
שווימענדיג געיאָגט דעם ביבער,
נאָכגעיאָגט ארום די אינזלען,
אזוי לאנג פארטונקט אין וואסער,
ביז צושראָקען די חברים,
האָבען ביטער אויסגעשריען:
„מעהר שוין זעהען מיר ניט קוואסינד.“
פלוצלונג זיך באוויזען האָט ער,
מיט דעם נאססען טויטען ביבער,
מיט דעם מלך פון די ביבערס.

אָט דיא צוויי, וויא איך דערציילט האָב,
פלעגען הייאוואטהאס פריינד זיין,
טשיביאבאָס דער מנגן,
און דער שטארקער גברן קוואסינד.

פרידליך האָבען זיי געלעבט זיך,
אָפּען זיך ענטפּלעקט די הערצער,
און געטראכט פיעל, און געפּלאנט פיעל,
וויא די שבטים צו בעגליקען.

הייאַוואַטהאַס וואַסער־רייזע.

„שיינק, בעראָזא, מיר דיין קאָרע,
שיינק מיר פון דיין געלער קאָרע,
דו. וואָס ביי די שנעללע פלוססען,
הויך און סטאלגע אין דעם טהאָל וואכסט;
כ'וועל א שיפעלע זיך בויען,
בויען א טשימאָן צום זעגלען,
וואָס וועט שווימען אויפ'ן וואסער,
וויא א געלע בלאטט אין אָסיען,
וויא א געלע וואסער ליליע.

„טהו, בעראָזא, אויס דיין מאנטעל,
נעהם דיין ווייסע הויט ארונטער,
באלד שוין וועט דער זומער קומען,
כ'ווארעמט שוין די זונן אין הימעל,
און דו דארפסט דיין ווייסע הויט ניט.“

אזוי האָט אין וואלד אין שטיללען,
אויסגערופען הייאוואטהא,
ביי דעם ווילדען טאָקוואמענאָ,
ווען געטרעללט די פויגלאך האָבען,
און ערוואכענדיג פון שלומער,
האָט די זונן געזאָגט: „קוק אָן מיך,
„מיך, די זונן די גרויסע, גהיזים.“

און דער בוים מיט אללע צווייגען,
האָט געציטערט אין מאָרגענווינטעל,
און געזיפצעט מיט שטילען יאוש:
„נעהם מיין מאנטעל, הייאוואטהא.

דאן דעם שטאמם ארומגעשניטען,
האָט ער נאָהענט ביי די צווייגען,
האָט ער נאָהענט ביי די וואָרצלען,
ביז די זאפט ארויסגעשפּריצט האָט,

דאן פון אויבען ביז ארונטער,
האָט ער דורכגעהאקט דיא קאָרע,
לויז געמאכט פון בוים מיט קלינעס,
און זיא אָבגעשיילט א גאנצע.

„שיינק מיר, צעדער, דיינע צווייגען,
דיינע ווייכע שטארקע צווייגען,
צו באפעסטיגען מיין שיפעל,
מאכען זיכערער און שטארקער.“

דורכגערוישט דעם שפּיץ פון צעדער,
האָט א קלאנג, א קרעכץ פון מורא,
האָט פון ווידערשטאנד א מורמעל,
דאנן פארבייגט זיך האָט דיא צעדער,
און געשושקעט: „נעהם דיא צווייגען.“

אָבגעהאקט דיא צווייגען האָט ער,
האָט געמאכט פון זיי א רייף־ווערק,
האָט געמאכט פון זיי צוויי בויגענס,
איינער צוגעקעהרט צום צווייטען.

„שיינק מיר טענענבוים, דיא וואָרצלען,
דיינע אָדערדיגע וואָרצלען,
אום מיין שיפעל צו פערבינדען,
אלע עקען צו פארבינדען,
כ'זאָל דאָס וואסער ניט אריינגעהן,
כ'זאָל דער טייך מיך ניט באנעצען.“

אין דער מאָרגען־לופט געציטערט,
האָט דער בוים דורך אלע וואָרצלען,
מיט דיא פרענז באריהרט זיין שטערען,
און געזאָגט מיט קוממער־זיפצען:
„נעהם זיי אלע, היאוואטהא.“

פון דער ערד ארויסגעפליקט האָט,
ער דיא שטארקע טעננען־וואָרצלען,
פעסט צונויפגענייט דיא קאָרע,
פעסט געקניפט זיי צו די רייפען.

„שיינק מיר, סאָסנעבוים, דיין באלזאם,
שיינק דיין באלזאמדיגען פעך מיר,
צו פערקלעפּען אלע שפּעלטלאך,
כ'זאָל דאָס וואסער ניט אריינגעהן,
כ'זאָל דער טייך מיך ניט באנעצען.“

שטאָלץ און פינסטער האָט דיא סאָסנע,
אין איהר שווארצען קלייד געבליפּעט,
האָט וויא טייך־שטיינדלעך געשאָרבעט,
און געענטפערט מיט געיאָממער:
„נעהם מיין באלזאם, היאוואטהא.“

און ער האָט דיא באלזאם־טרעהרען,
האָט דער סאָסנעס פעך גענומען,
און דערמיט פארשמירט דיא זוימען,
יעדע שפּאלט באזיצט פון וואסער.

„שיינק מיר קאָג, דיא נאָדלען דיינע,
שיינק מיר יאָזשיק, דיינע נאָדלען,
כ'וועל פון זיי א האלזבאנד מאכען,
און א גארטעל פאר מיין שיינהייט,
אויף איהר ברוסט צוויי שטערען שעהנע“.

מיט פערשלאָפענעם בליק דער יאָזשיק,
האָט פון פוסטען בוים באקוקט איהם,
פיילען־גלייך ארויסגעשאָססען,
זיינע נאָדלען, און געפּרעפעלט
דורך דעם קנויל פון זיינע וואָנצעס:
„נעהם זיי אלע, היאוואטהא.“

פון דער ערד צונויפגעקליבען
היאוואטהא האָט דיא נאָדלען,
האָט דיא גלאנצענדיגע פּוילכלאך;
רויט און געל און בלאָ געפארבט זיי,
מיט דעם סאָק פון ווילדע יאגדעס,
און פון זיי געמאכט זיין שיפּעל,
אויפ'ן בויך א העללען גארטעל,
אויפ'ן פאָדער־שפּיץ א האלזבאנד,
אויף דער ברוסט צוויי שטערען שעהנע.

אָט אזוי אין טהאָל ביים וואססער,
פון דעם וואלד ארומגערינגעלט,
האָט ער אויסגעבויט זיין שיפּעל;
ס'האָט געהאט פון וואלד דאָס לעבען,
זיינע סודות און זיין צויבער,
פון בעראָזא־בוים דיא לייכטקייט,
פון'ם צעדער־בוים דיא פעסטקייט,
פון דעם טעננענבוים דיא ווייכקייט;
און עס איז אין טייך געשוואומען,
וויא אן אָסיען־בלאטט א געלע,
וויא א געלע וואסער־ליליע.

היאוואטהא האט קיין רודערס,
ניט געהאט און ניט בעדארפט אויך,
זיין געדאנקען פאר א רודער,
און זיין ווילען פאר א פיהרער,
לאנגזאם, שנעלל, געפאָהרען איז ער,
רעכטס און לינקס וויא איהם געלוסט האָט.

דאן גערופען האָט ער קוואסינד,
האָט זיין פריינד דעם גבר גערופען,
און געזאָגט איהם: העלף דעם טייך מיר
רייניגען פון זאמד און קלעצער.

גלייך אריינגעשפּרונגען קוואסינד,
איז אין וואסער וויא א ים־הונד,
טונקענדיג זיך וויא א ביבער;
זיך געשטעלט ביז העלפט איז וואסער,
ביז דיא פאכוועס אין דיא וועללען,
אומגעשוואומען און געשריען,
און געשלעפּט פון טייך דיא קלעצער,
מיט דיא הענד דעם זאמד גערידעלט,
מיט דיא פיס דעם קויט און פלאָנטער.

אויפ'ן שנעלען טאקוואמענאָ,
האָט געשיפּט זיך היאוואטהא,
דורך דעם טייך'ס פארקרימטע וועגען,
טיעף אין איין אָרט, פלאך אין צווייטען;
איהם פאָראויס האָט קוואסינד גבר'ן,
דאָ געבראָדזשעט, דאָ געשוואומען.

היין און הער ארומגעפאָהרען,
זיינען זיי דורך אלע אינזלען,
ראהמענדיג פון טייך דיא זאמד־בערג,
שלעפּענדיג דיא טויטע בוימער,
פאר דאָס פאָלק א וועג געשאפען,
פון דיא קוואללען אין דיא פעלזען,
ביז דעם וואסער פון פּאָוואטינג,
ביז דיא טייך פון טאקוואמענאָ.

(פאָרטזעצונג פאָלגט).

ארויס פון גלות.

(ארזארעט)

פון פער האלסטראם.

איבערזעצט פון מאיר בלינקין.

(2טע פאָרטזעצונג).

פרעמדע מענשען האָבען זיך אָנגעהויבען בעווייזען אין שטאָדט, אנטלאָפענע פון יענער זייטבערג, און דאָס איז דער בעסטער סימן, אז דאָהטען זיינען ווידער געוועזען נייע הריגות.

רחל האָט זיי נור פערבייגעהענדיג געזעהען: אלע אזוינע בלייכע מיט אויסגעמאַטערטע פנים׳ער. זיא האָט געהערט זייערע מיט דעם הוסט איבערגעריסענע קולות, זייערע ערצעהלונגען וועגען הייסע אייזענס און צולייגטע פייערען, וועגען דיא אונענדליכע יסורים און געלויף. און געדאכט האָט זיך זיי אז דיא געפאהר דערנעהענטערט זיך שוין אויך אַהער.

אָבער דאָס מאָל האָט מען דיא אלע רייד און נייעסען נישט נור פאַנאַנדערגעטראָגען און ניט נור שטיל איינגעבויגען דיא רוקענס, נור אין דער לופט האָט זיך געפיהלט אַן אונרוהיגקייט.. עס האָבען זיך געשאָטען פראגען און עס זיינען פאָרגעקומען בעראטהונגען און אין דעם אלעם האָט זיך געפיהלט עפּעס א בעהאלטענע קראַפט פון מנחם׳ן. מיט דעם אָנקומען, פון דער נאכט פלעגט זיך אלעס אָנהויבען איינשטילען, עס פלעגט ווערען אונגעוועהנליך שטיל, נור דיא רוהיגקייט איז געוועזען אָנגעפילט מיט סודות.

רחל האָט זיך ניט געשראָקען. זי האָט געהאָפט אויף דעם, וועלכער איז אהער אָנגעקומען, און גאַנצע טעג האָט זיא זיך ארומגעטראָגען מיט איהר פרייד. זיא האָט אפילו ניט געוואוסט, וואָס ער האָט מיט זיך געבראכט. זיא איז אָבער געווען זיכער, אז זיין גלויבען אין האָפנונגען, וועט ערפיללט ווערען און זיא האָט שטארק אויף דעם געבויעט. זיא האָט אלע מאָל איבערגעלעבט און איבערגעלעבעט אין טרוימערייען זיינע רייד, און איבערלעבענדיג זיי האָט זיא גאָר א נייע נשמה ענטדעקט, עפּעס א מין שטילער, קיהלער ווינטער האָט געוועהט; זיא האָט נאָך נישט פערשטאַנען וואָס דאָס איז אזוינס, נור זיא איז געווען איבערצייגט אז א מאָל וועט זיא עס דאָך פאַרשטעהן.

אין אזא צושטאַנד איז זיא איינמאָל אבענד געזעסען וויא פארכישוף׳ט אונבעוועגליך, ניט פינטלענדיג אפילו מיט דיא אויגען, און האָט גלייך געקוקט אויף דיא שארפע, פייערדיגע צונגלאך פון דיא ליכט; איהרע הענט זיינען געהאנגען אראָב, דיא ליפען האלב אָפען און זיא האָט גאָר נישט געהערט.

געזעהען האָט זיא אויך גאָר־נישט. זיא האָט וועגען גאָר ניט געטראכט און נור געפיהלט א געוואלדיג שווערען און געהיימען עלענד ארום זיך. זיא האָט נור געוואוסט, אז ביידע פייערן ברענען אָהן ־עש, און אָהן רעש גראָבען זיי זיך איין אין א טיעפען שווייגען און ציהען אין זיך אריין דאָס גליק פון אייביגקייט...

און ווען פלוצלונג האָט זיך מנחם בעוויעזען אויף׳ן שוועל, האָט זיא זיך גאָר נישט פאַרוואונדערט און קיין מוסקול פון איהר פּנים האָט קיין ציטער נישט געטהאָן... מיט א רוהיג געזיכט נור פולל מיט פרייד האָט זיא צו איהם זיך אומגעקעהרט...

ער, וויא אימער, איז געווען אויפגערעגט. דיא שאָטענס פון זיין פנים האָבען זיך אלע ווײלע געביטען אויף א פרישער מונטערקייט, און דער שפּיעל צווישען זיי איז געווען א מורא׳דיג שטאַרקער.

רחל׳ן האָט ער כמעט קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשאָנקען, און האָט שוין גאָר געוואלט דורכגעהן פאַרביי איהר. נור פלוצלונג האָט ער זיך א קעהר געטהאָן און איז צוגעגאַנגען זעהר נאָהענט צו איהר.

— רחל, האָט ער געזאָגט, — מאָרגען איז פּסח.

זיא האָט איהם ניט געענטפערט, און אלץ געקוקט אויף איהרע פייערלאך. אין גאַנצען איהר וועזען איז געווען איבערפוללט מיט פריעדען. און גליקליך האָט זיא זיך געשעצט וואָס ער זעהט זיא אין אזא צושטאַנד.

— אין עטליכע טעג ארום קומט אָן ביי זיי, דאָרט אויבען, פּסח. איך וויל וועגען דעם איבער־ריידען מיט׳ן רב, רחל. זאסי, אויף ווע־

מעס גורל עס פאַלט אויס צו געהן מיט זיי אין קלויסטער, זאָגט זיך אָב. איך האָב גערעדט מיט איהם.

און זיין שטימע האָט געקלונגען מיט אַ בייסענדען נצחון. אָבער רחל האָט זיך דערפון, וויא פון אַלעס, קיין וועזען געמאַכט, וויא פריהער, אַזוי איז זיא געזעסען ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט, און זיינע ווערטער האָבען זיך צו־געטראָגען צו איהר, וויא פון ווייט, גאָר פון אַן אַנדער וועלט.

נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו איהר, און האָט זיך אומעדיג צולאַכט.

— דאָס איז אַלעס וואָס איך האָב געקענט געווינען. אַלעס איז פאַרזיגעלט אין דעם, נור דוא מיינסט רחל, אַז מיר איז געלונגען אין איהם אויפוועקען אַ געפיהל פון שטאָלץ? אומ־זיסט, דאָס געפיהל האָט איהם שוין לאַנג פאַר־לאָזט. אַ גרעסערע מורא, אַ גרעסערע שרעק האָב איך אין איהם אויפגעוועקט. איך האָב גע־זאָגט אַ ליגען, כ'האָב איהם פאַרזיכערט אַז נאָך דער גאַנצער צערעמאָניע וועלען זיי איהם ערשט פאַרברענען אויף אַש. און דערפאַר האָט ער זיך אָבגעזאָגט פון געהן. און נאָך אַלע זאַ־כען האָט נור דער איינציגער שרעק פאַר'ן פייער, געקענט איהם ריין וואַשען פון דער שאַנדע.

און ווידער האָט ער זיך צולאַכט. זיינע אויגען האָבען געגלאַנצט אין דער טיעף בלוי־ליכער טונקעלהייט.

— וויא אַזוי דיא זאַך זאָל ניט זיין, האָב איך דאָך אָוועקגעלייגט דעם ערשטען שטיין; יעצט בלייבט נאָך איבער — אויפבויען דעם בנין. און ווייסטו, רחל, וואָס איך וועל דיר זאָ־גען? דיא געביידע פאַרשפּרעכט צו זיין זעהר אַ געראָטענע. איך האָב אין מיינע הענט אַ וואונ־דערליכען מאַטעריאַל.

ער האָט אָנגעהויבען שפּרייזען הין און צו־ריק איבער'ן חדר, אַזוי וויא אַ געפאַנגענע חיה אין איהר שטייג. עפּעס האָט ער געמורמעלט, וועגען עפּעס געטראַכט הויך אויפ'ן קול.

— צווישען אייך אַלע געפינט זיך נאָר איין נשמה, און דאָס איז זיא אַ בלינדע. דאָס איז יהושיעה. דו ווייסט יהושיעה'ן? ער איז טויט, פאַרטעמפּט, אָבגעלאָזען, און אויפגע־רעגט... דאָס לעבען האָט איהם צובראָכען, אויף אַש צומאָהלען... אונטער אָנגעבלאָזענעם אַש, קיהלט זיין הארץ, אין איהם אָבער איז דאָ אַ פונק, גרייט יעדע מינוט אויפצופלאַקערען, אַ פונק, אין וועלכען עס טלועט אַ פייער'ל, עס לייכט זיך און עס קען יעדער מינוט אויפברענען אין אַ פלאַם. יהושיעה קען כאָטש האַסען. און וואָס קענט איהר? און ווייסטו וועמען ער האַסט? — יענע, וואָס זיינען דאָרטען אויבען. ער האַסט אפילו דיא, וועלכע זיינען ביי זיי נאָך נישט געבוירען געבאָרען. און ווען אימיצער שטאַרבט צווישען זיי און עס הערען זיך דיא קולות וויא פון געשלאָגענע הינט, דאָס משונה'־דיגע באַקלאָגען פון זייערע קלעגער, — צו־לאַכט ער זיך שטאַרק אויפ'ן קויל! אייך ליידט ער אויך נישט, אייך, וואָס לעבען דאָ... אַפילו אייער נויטה ריהרט איהם ניט. מיך האָט ער געוואָלט מיט דיא פיס צוטרעטען, וויא אַ פייער וועלכער הויבט זיך אָן באַרנאַנדערברענען... נור שטאַר־קער וויא אַלעס, טיעפער און שרעקליכער וויא אַלעס האַסט ער משיח'ן. און ווייסטו פאַר וואָס ער קען איהם אַזוי נישט ליידען? דער־פאַר, וואָס מיט דעם נאָמען האָט מען אייך אַזוי פאַרוויעגט, אַז קיין שאַלען פון כלי־זין האָבען אייך נישט געקענט אויפוועקען פון'ם טיעפען שלאָף... דערפאַר, וואָס, דערמאָנענדיג זיין נאָ־מען, האָט מיך פריידען־טרעהרען פאַרגאָסען, וואָס אין דער צייט פון גזרות האָט מען זיך גע־וואָרפען אין זיינע אָרעמס... דערפאַר, וואָס אין דיא אָבענדען, ווען דער הימעל איז רויטער וויא געעהנליך, זוכט איהר מיט דיא אויגען צו זעהט מען איהם דאָרט נישט... דערפאַר, וואָס מען האָט געגלויבט אין איהם און נור מיט דער האָפ־נונג געלעבט, און ער איז נישט געקומען!... און איהר זייט געפאַלען אַלץ ניעדריגער און ניעדער־ריגער, זייט געוואָרען אַלץ ליידענדער, מען האָט אייך איינגעטראָטען אין בלאָטע... פון שטענדיגען ערוואַרטען איהם, זיינען יונגע אויגען געוואָרען אַלט, מאַט און פערנעבעלט. יונגע הענט זיינען שוואַך געוואָרען. זיי זיינען נור נאָך פעהיג געווען אַרומצוטאַפּען אַ זאַק מיט דיא פינגער. יונגע הערצער זיינען פאַרביטען געוואָרען און פערהאַסט שמוציגע לייב. און דאָס אַלעס האָט זיך ווידערהאָלט אַזוי אָפט, וויא דיא צייט פון שניט. זאָל ער קומען אַצינד, זאָגט יהושיעה, זאָל ער קומען, אָט דער קליינליכער, אויסגערעכענטער, אויסוואַרטענדער אַלטער! זאָל ער קומען און פּרובירען צונויפקלייבען זיין פאָלק! און יהושיעה לעבט נור מיט דעם גע־דאַנק, אַז אַמאָל, ווען עס איז, אויב ער וועט משיח'ן דאָך בעגעגענען, וועט ער איהם זאָגען: הייל צו דיר, דוא זוהן פון דוד, הייל צו דעם פירסט פון זיעג און גערעכטיגקייט! מיט פרייד געזאַנג לויבט גאָט, און פּאַטשט אין דיא הענט, גוטע מענשען! נור נישט זעהר שטאַרק טרעט מיט דיא פיס, היט זיך ניט אויפצואוועקען דיא טויטע, וואָס ליגען אין דיא קברים. אָט וואָס יהושיעה טראַכט, און אימער טראַכט ער דאָס. נור מיר איינעם האָט ער פאַרטרויט זיינע גע־

דאַנקען. און פּ׳עלייכט האָט ער נישט געוואַגט אַרויסזאָגען דאָס פאַר אַן אַנדערן. אַך, יהושיעה איז שרעקליך!

ער האָט אויפגעהויבען די אויגען, אַ קוק געטהאָן אויף רחל׳ן, צו זעהען, וואָס פאַר שרעק זיינע רייד האָבען אויף איהר אָנגעוואָרפען. אָבער זיא האָט גאָר שטיל געשמייכעלט און קיין זאַך פון אַלעם דעם וואָס ער האָט געזאָגט האָט ניט באַריהרט איהר נשמה. ארום איהר האָט געשוועבט אַלץ די פריהערדיגע פרייד. דאַמאָלט איז פערשוואונדען פון זיין פּנים דער אויסדרוק פון אָבלאַכען. זיין שטימע האָט אויפגעהערט שלאָגען, שמייסען וויא מיט בייטשען. זיא איז געוואָרען הויך, דורכדרינגענד און אין איהר האָט זיך געהערט אַן אָבקלאַנג פון אַן אינוויינינגסטער וועלט.

— יהושיעה איז בלינד! ער פאַרשטעהט גאָר נישט. עס וועט קומען אַ צייט און דוא וועסט זיך פרעגען פאַר וואָס נור אַצינד? אָדער אויף וויפיעל? דאַן וועט זיך דוכטען, אַז ס׳איז גאָר קיין מאָל אַנדערש ניט געוועזן. דעמאָלט וועט קיינער קיין זאַך נישט מעסטען, אַלע מאָסען וועלען פארשוואונדען ווערען און אַלע הענט און פיס וועלען זיך גלייך בויגען, וואָס ביז יענער צייט זיינען זיי מעהר צו גאָר נישט פעהיג געוועזן, וויא נור אַראָבהייגען אָדער זיך צונויפבויגען פאַר׳ן קבר... דאַמאָלט וועסטו גאָר נישט זעהען און נישט הערען און נישט פאַרשטעהן... קיין זאַך וועט נישט ביישטעהן קעגען וואונדער! קען דען איינשטעהן דער שטורם פאַר׳ן פלאַקער? אָבער יהושיעה׳ס האַס איז זעהר גרויס. ווען ער, משיח, וועט קומען, וועט ער אַ קוק געבען אויף יהושיעה׳ס האַס, נור ער וועט אַפילו קיין שאָקעל ניט טהאָן מיט׳ן קאָפּ. און פון זיין בליק וועט זעהענדיג ווערען דער בלינדער יהושיעה, און מיט ליכטיגע אויגען וועט ער ערשט דערזעהען, אַז ס׳איז אין איהם געוועזן נישט קיין האַס, נור ליעבע; און לויב־ליעדער וועלען זיינע געדאַנקען שיקען צו גאָט און אין פרייד וועלען זיי זיך פאַרוואַנדלען, וויא דאָס געזאַנג פון רחל׳ס קול! הערסטו, וויא די שטיל־קייט האַלט איין דעם אַטהעם און וואַרט? בעגרייפסטו, וויא דאָס אַלעס איז נאָהענט?

ער האָט אָבגעוואָרפען זיין קאָפּ; און אַרום זיינע בלאַנקענדע צייהן איז פאַרגליווערט געוואָרען אַ גליקזעליגער שמייכעל. און רחל׳ען האָט זיך געדאַכט אַז די גאַנצע לופט איז אָנגעפּילט מיט פּאָארען פון ווייסע פליגלען און אזוי וויא אַ שערבעל אָנגעפולט מיט וואַסער, לאָזט זיך שטיל אַראָב צום גרונד, אַזוי איז איהר אויער אָנגעפולט געוואָרען מיט אונענדליכע אונרוהיגקייט.

— איך קען אַלעס פיהלען, — האָט זיא געזאָגט, און כמעט נישט מודה זייענדיג אַז דאָס איז געוועזן איהר שטימע. איך דערגרייך צו אַ גרויסען, שטילען גליק. די שטילקייט האָט אין זיך טאַקע קיין לעבען נישט; נור עפּעס איז פאַראַן אין דעם און אַרום דעם, אַזוי וויא די זיכערהייט פון חלומות צו זעהען אין שלאָף. עפּעס אַזוי וויא אַ גרויסע גרויסקייט, אַ גרויסע רוהיגקייט... אין דעם איז קיין צייט נישט, און די טראָפּען קלאַנגען וואָס פאַלען פון דעם דערטראָגען זיך פון ערגעץ, פון ווייט, פון ווייט...

מנחם האָט איהר שטיל צוגעהערט, נישט אַראָבלאָזענדיג פון איהר זיין בליק.

— מאָדנע רעדסטו, רחל. דיינע רייד, גלייך וויא אַ צאַרטער ווינטער, ווערען אָהן קיהלקייט... צו טרעפסטו נור ריכטיג?

נאָכדעם האָט ער צאָרנדיג אַ טרייסעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ.

— צו ערנסט בין איך געוועזן צו דיינע פּוסטע, ווייבערשע פּלוידערייען. דוא זעהסט נישט דעם נצחון; דאָס, וואָס דוא זעהסט, רחל, איז אונפאַרביג; אין דיינע אויגען פעהלט פּור־פּור. מעכטיג איז דער קול פון דער צוקונפט, ער שלאָגט וויא מיט פּלעקער, נור ער טראָגט זיך אָבער הויך אַרויף; און צו דוא ביסט אָהן מאַכט! אומזיסט האָב איך גע׳פּטור׳ט מיינע רייד, נור נישט פאַר דיר זיינען זיי געועדט געוואָרען!

ער איז אַוועקגעגאַנגען. זיינע רייד האָבען אָבער נישט געשטערט רחל׳ס רוהיגקייט. פערשטאַנען האָט זיא, נור אַז איהר גליק צו־שווימט זיך לאַנגזאַם און זיא האָט דערפיהלט אַ אַ מיעדקייט.

זיין געזיכט האָט איהר צוגעצויגען און זיין האַס אָבגעשטויסען; און זיא האָט זיך פאַר־טיעפט אין זיין וועלט און געדורשט און זיך גע־שראָקען פאַר דעם, וואָס ער טראָגט מיט זיך.

* * *

אַזוי איז אָנגעקומען דער צווייטער טאָג.

נאָך׳ן דאַוונען אין שול האָבען זיך אַלע צונויפגעקליעבען צום רב, מען זאָל איינאיינעם אַרומריידען, וועגען יאָסעלס אָבזאָגען זיך, וועגען דעם, ווער עס זאָל געהן אויף זיין אָרט און וועגען דעם געהיימען טומעל וואָס דער פרעמדער האָט דאָ אויפגעוועקט. נור קיינער האָט נישט געוואָלט ריידען פון דער שאַנדע, וועלכע האָט זיי ערוואַרטעט אויבען אין קלויסער, אַלע האָבען זיך געשעהמט פאַר זייער גאָט. און אַזוי וויא עס איז געוועזן אַ יום־טוב׳דיגער טאָג, האָבען זיי באַשלאָסען אַלע צוזאַמען זיך משמח זיין.

אויף אַזאַ אופן האָט זיך ביים רב אין אַלע חדרים און אין די דורכגיינג געשפּאַרט דער עולם, אַלע פּאָרהאַנגען וועלכע האָ־

בען צוטהיילט דיא וואָהנונג אויף חלקים, האָט מען פאַרהויבען, כדי אַלע זאָלען קענען הערען און זעהען וואָס עס קומט פאָר. און אהין זיינען זיך צונויפגעגאַנגען אָרימע, אַלטע און יונגע, מענער און פרויען, דיא איבריגע האָבען זיך צונויפגעשפּאַרט אויף דיא טרעפּ, אויף דיא שוועלען און אַפילו אויפ'ן גאַס און אין דיא נאָהענטע געסלאַך ארום איז געווען שוואַרץ פון מענשען וועלכע האָבען געוואַרט.

אויף היינטיגען אבענד, האָבען אַלע פון זיך אראָבגענומען דיא שוואַרצע קאַפּאָטעס מיט דיא שאַנדע צייכענס — וואָרים זיי האָבען זיך דאָך צונויפגעקליבען פייערן דעם יום־טוב פון פרייהייט, וואָרים אין דעם טאָג האָט מען געדאַרפט זיין פריי, אָפען קוקען און אָפען רעדען!

דער ציטערדיגער שיין פון פייער, האָט שניידענד געגלאַנצט פון פערשיעדען־פאַרביגע שמאַטעס — גרינע, בלויע, געלע; נור מעהר פון אַלעס האָט זיך געזעהען רויטע פאַרב... און אין שאַטען אויף דיא פּלייצעס און יאַרמעלקעס האָט זיא זיך צוברענט מיט א פלאַם, איז דיא רויטע פאַרב געוואָרען צומישט, בליייכער און אין דער פינסטערניש האָט עס אויסגעזעהען וויא צונויפגעשלאָגען, פאַרבאַקטע, רוייטע בלוט.

אָבער אויף זייערע פּנים'ער האָט זיך נישט געזעהען קיין העלע פאַרב און בעזונדערע פרייד. שווער האָבען זיי זיך געבויגען, בלייכע, געלע מיט האַלב אראָבגעלאָזענע נאָך זייער געוואָהנהייט נאָך, ברעמען, אָדער מיט שוואַרץ ארויסקוקענדע בליקען, וועלכע האָבען וויא מיט שאַרפע שפּיזלאַך, געשטאָכען דיא לייב. און אויף דיא לעערע הייזער, ווען פאַרביי האָבען זיך דורכגעטראָגען לאַמטערנעס, האָבען אָבגעשפּיגעלט רויטע צלמים.

נעהענטער צו דיא טישען צו, זיינען געזעסען דיא אַלטינקע איבערגעבויגען איבער די מאַכלים. זיי האָבען געדאַרפט צוגרייטען דאָס הייליגע עסען פאַר דער גאַנצער געמיינדע, אזוי וויא דער פלאַן האָט נישט ערלויבט אַלעמען זיך פאַרנעהמען דערמיט. נאָכ'ן אַלטען מנהג נאָך איז ביי יעדען אין דיא הענט געווען א שטעקעל אַלס צייכען אזוי וויא אמאָל אין דער פינסטערער נאַכט, ווען דער מלאך־המות האָט זיך שטיל דורכגעטראָגען איבער דער ערד, האָט זיי משה פאַרזאָגט, דאַמאָלס איז פאַר זיי געלעגען דער וועג צו בעפרייאונג, נור אַצינד האָבען זייערע ציטערדיגע און שוואַרצע פינגער קוים, קוים געהאַלטען דעם צייכען אין דיא הענט, און אויף זייערע איינגעשרומפּענע, מאַטע פּנים'ער האָט זיך נישט געמערקט דער קלענסטער סימן פון נקמה־פרייד. אַלע זייערע בעוועגונגען זיינען געווען גלייך צו א פייער, וועלכער איז גרייט יעדער מינוט פאַרלאָשען צו ווערען. איין יהושיעה איז נור געשטאַנען גלייך און שטריינג, אנגעדרינגען זיינע בלינדע בלויע אויגען אין דער ווייט פאר זיך. שוין לאַנג האָט מען געדאַרפט אָנהייבען אָבריכטען דעם סדר, נור וויא עס שיינט, האָבען זיי נישט ביד געהאַט זיך אַפילו אביסעל ארומצוקוקען און געהיים האָבען זיי אַלע געקלערט און געטראַכט, וועגען דער קומענדער בעראַטהונג: זיי האָבען עפּעס ערוואַרט, און אַלע האָבען ביי זיך מודה געווען, אז מען ערוואַרטעט מנחם'ען.

צווישען עולם האָט שוין דורכגעדרונגען די טרויעריגע בשורה, וועגען נייע גזרות און זיי האָבען געוואוסט, אז עס פעהלט נישט מעהר וויא איין בלאַז פון א ווינטעלע, און דער פייער וועט ארום כאַפּען אויף זייער ווינקעל. וואוהין קעהרט מען זיך, וואו זוכט מען א בעהעלטעניש, אין וועמען געפינט מען אן אָנהאַלטונג אין א עת־צרה? הויבען דיא אויגען צום הימעל, וועלכער איז ארומגעכאַפּט מיט אונענדליכע פריהלינג־שטורמען, אָדער צו דער פאַרפרוירענער שוואַרצער ערד? און דאָ קוקט ארויס דער טויט פון יעדער ווינקעל!

און ווייט אין צפון זייט, וואו דיא לופט איז שווערער און דיא קעלט גרויער, — איז נאָך ערגער...

גאַנצע מחנות קריסטען געפיהרט פון נאַראָנים אָדער פון אזוינע וואָס דורשטען נאָך בלוט, פלעגען אוועק געהן אין'ם הייליגען לאַנד, מיט א גאַנז אָדער א ציג אין דיא הענט, אַלס פיהרער־צייכען. זיי זיינען געגאַנגען אַלין ווייטער און האָבען געהאַפט אז זיי וועלען דאָך געפינען זייערע קרבנות, און אין אַלע שטעדט וואו אידען וואָהנען זיינען זיי אויף אָנגעפאַלען און מיט ווילדען, צורייצטען דורשט נאָך אונוויסענדער נקמה, האָבען זיי זיי געריסען, געה'רג'ט אָהן אויסנאַהמע אַלעמען. הארצרייסענדע קולות נאָך הילף האָבען געשריען צו משיח'ן, דיא האָפנונגסלאָזע, אונזינניגע קולות זיינען אזוי געבליבען אָהן בעהאָלפען. דיא מענער האָבען בלויזע מעסער ארייגעיאָגט זיך אין דיא נאַקעטע העלזער און דיא פרויען האָבען שווערע שטיינער זיך אונטער דיא הענט אָנגעבונדען און אין טייך אריין זיך געשליידערט. א חוץ דעם זיינען דיא שלעכטע בשורות געווען נאָך שרעקליכער, דערפאַר אַליין, וואָס זיי זיינען געקומען פון ערטער וועלכע זיינען אָנגעפילט מיט פערשיעדענע אויסגעטראַכטע לעגענדען און אוננאַטירליכע שאַ־

טענס. דאָרט איז געווען אונערטרעגליך. דיא אַלע מעשות האָבען זיך דערנעהענטערט, און מיט שרעק האָבען דיא קלאַנגען אריינגעדרונגען און געצוואונגען צו גלויבען.

פּלוצלונג איז אויף דיא טרעפּ געוואָרען אַ טומעל, עפּעס אַ גערודער, און שטוב האָט זיך דערטראָגען אַ מורמלען: מנחם איז געקומען! און באַלד נאָכדעם איז ער געווען צווישען זיי. ער האָט זיך ניט איבערגעטהאָן. ער איז געגאַנגען אין דער שוואַרצער קאַפּאָטע און דער געלער צייכען אויף זיין פּלייצע האָט זיך זיי אַלעמען באַלד געוואָרפען אין דיא אויגען, גלייך וויא זיי וואָלטען איהם פריהער קיין מאָל נישט געזעהען. אַלע האָבען שטיל זיך אָנגעהויבען דורכריידען, מען האָט געשראָקען מיט איהם און אנגעוויזען אויף איהם. אייניגע האָבען זיך שטיל פאַנאַנדערגעפרעגט ביי איהם, וועגען איהם, נור דיא מעהרסטענטהייל זיינען געבליעבען שטעהען אונרוהיג — שווייגענד: וואָס האָט ער דערמיט געוואָלט דערוויזען? יהושיעה האָט זיך צוגעבויגען צו אַ שכן, און ער האָט אַלץ פערשטאַנען נאָך'ן שטילען געטומעל פון'ם עולם.

— זאָגט מיר, מנחם היט אָב זיין צייכען אויפ'ן פּלייצע? האָט ער שניידענד געפרעגט און ווען מען האָט איהם האַרט געענטפערט אַז, יא, האָט ער, ווערגענדיג זיך פון געלעכטער פאָרטגעזעצט: — פיין זעהר פיין צוגעטראַכט. אַזוי דאַרף זיין אויף אונזער יום טוב פון זיעג! וויא אַזוי האָב איך דורכגעלאָזט און ניט געטהאָן דאָס זעלבע? וויא עס טהוט מיר באַנג, וואָס איך קען נישט זעהען. זאָגט, דער צייכען, מאָלט זיך ביי איהם אין דער געשטאַלט פון אַ גרויסען, געלען נאָגעל?

אין דער צייט האָט מנחם'ס שטימע באַדעקט דעם גאַנצען טומעל. ער איז געשטאַנען אין מיטען חדר ביים טיש.

— איהר קוקט אויף מיינע קליידער, גלייך וויא איהר וואָלט קיין מאָל קיין אידען נישט געזעהען. אָדער, גוטע מענשען, איהר האָט קיין מאָל אַזאַ קאַפּאָטע נישט געטראָגען? קיין מאָל האָט איהר, בעהאַלטענדיג אייער קערפּער, נישט געבייגט זיך ביז צו דער ערד? קיין מאָל האָט איהר נישט געפיהלט אַזאַ שטעמפּעל אויף אייערע פּלייצעס? האָבען אייערע פרויען אין זייער חופּה טאָג אויפ'ן אָרט פון חתונה קליידער נישט אָנגעטהאָן קיין געלע ליליע־קוויטען? און האָבען דען אייערע מוטערס אויף זיי נישט געקוקט, ווען איהר זיינט נאָך געווען אין זייער בויך? און פיהלט איהר דען נישט אַלע אינווייניג אין זיך אַן אויסגעברענטען מיט אַ פלאַמענדיגען אייזען, דעם זעלבען געלען צייכען?! צו דענקט איהר, אַז אונזער גאָט האָט איהם נישט געזעהען נאָך פריהער פאַר אונז? צו איהר רעכענט, אַז ער וועט נישט באַזוכען אונזער סעודה איבער'ן שקלאַפען־צייכען, וועלכער דערצעהלט שוין זייט 2000 יאָהר פון אונזער שאַנדע? איך זאָג אייך, מענשען, אַז גאָט האָט מיט פיינדשאַפט און צאָרן זיך פון אייך אָבגעקעהרט, ער האָט זיך אָבגעקעהרט פון אייער שקלאַפען־צייכען וואָס איהר טראָגט אין אייערע הערצער, פון דעם שקלאַפען־צייכען, וועלכען איהר שטעלט אַרויס אַלס אַ בעוויז אין דיא גאַסען, מערק, אין האַנדלונגס פּלעצער און אויפ'ן גאַנג פון אייער יעדער וועג, באַווייזט איהר מיט אייערע נידריגע געדאַנקען און חניפה בליקען... און אַצינד, אַצינד האָט דער שטעמפּעל געקענט פאַר זיינע אויגען אויפפלאַקערען אין אַ העלישען פייער פון זעלבסטשטענדיגקייט, ווען מיר זאָלען אויפהויבען צום הימעל זיין פאַרלאַנג: „זעה, אָט איז דאָס, אָט אויף דעם אָרט האָבען מיר דאָס געטראָגען, און אַצינד וואַרפען מיר דאָס פון זיך אַראָב און טרעטען דאָס מיט דיא פיס, אַ סוף איז געקומען צו אונזער שקלאַפעריי! מיר טרעטען דאָס מיט דיא פיס צוליעב דיין כבוד וועגען, אָ, רבונו של עולם!"

און ער האָט אַראָבגעריסען פון זיך דיא קאַפּאָטע, און זיין האַרץ איז ברייטער געוואָרען פון זיין אויסגעשריי, געהויבען האָבען זיך זיינע שולטערען ווען ער האָט געטראָטען מיט דיא פיס זיין מאַנטעל. אין דער מינוט איז אין שטוב נישט פערבליבען קיין איינציגער, וועלכער זאָל ניט אויפשוידערען פון פערוואונדערונג, וועלכער זאָל נישט פיהלען קיין אומעט, — נור אין קיין איינציגען בליק אפילו האָט נאָך נישט אויפגעברענט קיין האָפנונג.

און דאַמאָלט האָבען מנחם'ס בליקען, גלייך וויא אַ פאַנאַנדערברענענדיגער פייער האַסטיג אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצען עולם, קיין איין רגע האָט נישט געדויערט און ער האָט פערשטאַנען דעם גאַנצען בליהענדען צושטאַנד. פאַר קיין זאַך האָט ער זיך נישט אָבגעשטעלט און שנעל אָנגעהויבען זיין גרויסע, וויכטיגע, איינשטעלענדע אַרבייט.

(פאָרטזעצונג פאָלגט.)

ביי דעם גרויסען האפען.

1.

ביי דעם גרויסען האַפען,
אין דער שפּעטער נאכט,
אויף דעם ים דעם בלויען,
האָב איך זיך פערטראַכט:

וויא ער וויעגט דיא ווערען
ציטעריג און שטיל;
וויעגט זיי וויא אַ טרייע
מאַמע מיט געפיהל.

פון דעם גרויסען האַפען
עט גאַנץ וויט אַוועק,
ווייזט זיך אין דער ווייטקייט
אום אַ העלער פלעק.

ווייזט זיך אין דער ווייטקייט,
פלאַטערט שטיל און גרינג,
ווי א ווייסער פליעגעל
פון א שמעטערלינג.

אויף דעם ים דעם גרויסען,
מורא'דיג און טיעף,
וויעגט זיך אַזוי רוהיג
אום אַ זעגעל שיף.

וויעגט זיך אַזוי רוהיג,
שיפּט זיך אַזוי שטיל,
וויא זיא וואָלט ניט האָבען
גאָר פאר זיך קיין ציעל . . .

2.

ביי דעם גרויסען האַפען
אין דער שטורעם נאַכט,
אויף דעם ים דעם בייזען
האָב איך זיך פערטראַכט:

וויא ער וואַרפט דיא כוואַליעס,
ווילד און פירכטערליך,
שטויסט זיי וויא אַ בייזע
שטיף־מאַמע פון זיך.

פון דעם גרויסען האַפען,
עט גאַנץ וויט אַוועק,
שווארצט זיך אין דער פינסטער
אום אַ דונקלער פלעק.

שווארצט זיך אין דער ווייטקייט,
פלאַטערט ווילד און בייז,
וויא דער דונקלער פליעגעל
פון אַ פלעדערמויז.

אויף דעם ים דעם גרויסען,
מורא'דיג און טיעף,
קעמפפט אויף טויט און לעבען
דאָרט אַ בלודנע שיף.

שלאָגט זיך מיט דיא ווערען
אויף דעם שווערען וועג
אין דעם גרויען נעבען
זוכענדיג אַ ברעג . . .

ה. רויזענבלאַט.

וואלקענס לייכטע...

(פאָלקס מאָטיוו)

וואָלקענס לייכטע, וואָלקענס ריינע,
וואוהין ציהט איהר מילד פער'חלומ'ט?
ווערט איהר זעהן דאָרט מיין געליבטע,
לאָזט איהר גריסען, לאָזט איהר גריסען.

יאהרען זיינען שוין פערפלויגען,
וויא דיא וואסערען אין טייכען,
זינט איך האָב מיט מיין געליבטע
זיך צושיידעט, זיך צושיידעט.

כ'וואָלט שוין פיעלע, פיעלע מאָל איהר
שעהנע בריוועלאך געשריעבען;
נור איך ווייס ניט, וואו געפינט זיך
וואו געפינט זיך, מיין געליבטע.

כ'האָב געפרעגט שוין אלע קודערס,
אלע טאַטערס און ציגיינער;
קיינער ווייס ניט, קיינער ווייס ניט
וואו געפינט זיך מיין געליבטע.

כ'האָב געפרעגט דיא העלע שטערען,
אַ, זיי מוזען דאָך דאָס וויסען.
נור דיא שטערען, שלעכטע שטערען,
האָבען הארצלאָז מיר פערשוויגען.

כ'האָב געפרעגט אויך דיא לבנה,
מיט דיא גרויסע, ווייסע אויגען.
נור זיא איז אוועקגעשוואומען,
וויא ניט מאכענדיג זיך וויסען.

וואָלקענס לייכטע, וואָלקענס ריינע,
איהר וואָס ציהט דאָרט מילד פער'חלמ'ט
אפשר ווערט איהר זעהן מיין ליבסטע,
לאָזט איהר גריסען, לאָזט איהר גריסען.

יואל סלאָנים.

דוד פינסקי.

(שלוס.)

כאראקטעריסטיש איז וויא ווייט פינסקי האט אין דער הינזיכט פון ריכטיג אבשאצען דיא תענוגי עולם הזה פראגרעסירט אפילו לגבי אזא גרויסען גייסט וויא פרץ.

א „קלויזניק" איז א מעשה מיט א ישיבה־בחור וועלכער וויל חתונה האבען און עס קומען איהם זינדיגע געדאנקען אין קאפ. ווען ער דערזעהט, אז אנאנדער ישיבה בחור טוהט אן דעם טלית אויף מארגען נאך דער חתונה, איז ער אין דעם טלית איינפאך פערליעבט. ווען ער וואלט זיך ניט געשעהמט וואלט ער ביי איהם דיא ציצית אויסגעבארגט אויף צו קוסען בשעת קריאת שמע. ער בעט ביי גאט אביסעל נבואה, ער זאל קענען דערקענען זיין באשערטע. ער דאווענט, לערנט און געהט אין מקוה, און לסוף דערפיהלענדיג אז דער רוח הקודש רוהט שוין אויף איהם, געהט ער ארויס אין גאס באגעגענען דיא באשערטע. וועט ער, דערזעהענדיג א פרוי, אויסשרייען „יא" איז דאס א סימן אז דאס איז זיא; וועט ער אויסשרייען „ניין" איז א סימן אז דאס איז ניט זיא.

דער לעזער זעהט שוין מסתמא איין אז מיר האבען דא צו טהאן מיט א חברה מאן וואס איז ניט ביים זינען, און געריהרט ווערט ער טאקע צוליעב זיין גרויסען באגעהער נאך א פרוי. פרץ'ס „משוגענער בטלן" איז אונגעהייער טיעפער און ווייזט ארויס א סך מעהר נשמה־לעבען, איידער פינסקי'ס „קלויזניק". די ביליגע ענדע פון דער סקיצע: ווען דער קלויזניק בעשליעסט זיך ענדליך און שרייט אויס „יא", ווייזט זיך ארויס, אז ער האט נעבאך א פסק, ווארים דאס איז גאר זיין אלטע באבע — מאכט איהר נאך פלאכער. אבער וויכטיג איז דא דער פונקט, אז אין דער צייט, וואס פרץ'ס בטלן געהט אראפ פון זינען צוליעב זיין ביטערע לאגע, צוליעב זיין אונצופריעדענהייט מיט זיין אייגענע לעבען, צוליעב פארפלאנטערטע רעיונות פון חקירה און קבלה, און ענדליך פשוט וויל צווי טעג אין דער וואך קומט גאר ניט אריין אין זיין מויל, אין דערזעלבער צייט געהט פינסקי'ס קלויזניק אראפ פון זינען, בלויז צוליעב דעם אונטערדריקטען ליעבע־געפיהל.

דער „קלויזניק" איז ניט דער איינציגער משוגענער וועלכען מיר באגעגענען אין דער איצטיגער זאמלונג. ד. פינסקי האט הפנים א שוואכקייט צו משוגעים. אבער מיט זיין גאנצע שילדערונגס־קראפט, מיט זיין גאנצער פארשטענדניס פון דער מענשליכער זעעלע, קען ער דאך ניט דערגעהען צו אזא פסיכאלאגישע טיעפקייט, ער זאל קענען דערגרונטעווען דעם אבגרונד פון א צושטערטען גייסט.

דעם פערשטויסענעם גימנאזיסט פון „אן אנהייב" וויל אויך פינסקי פארשטעלען פאר איינעם וואס האלט ביי משוגע ווערען, אדער ער איז שוין געריהרט. אבער אין בעסטען פאל געלינגט איהם נאר ארויסצוברייננגען דעם העלד'ס שרעקליכע גערייצטקייט, זיין ווילדען צארן, וויא למשל אין דער סצענע וואו דיא אידען קלייבען זיך אן אין פאדריאד קוקען וויא ער, א ארעמער בעל עברה'ניק, איז גאר געווארען א מצה־רעדלער.

אבער פינסקים וועלען מאכען דעם איינדרוק אז זיין העלד איז געריהרט דורך דעם וואס ער צעהלט אום צו קענען אנשלאפען ווערען, אדער דורך דעם וואס ער שרייט אזוי אפט אויס, אז עס מישט זיך איהם אין מוח, אדער אז ער האט אלע סמנים פון א משוגענעם— דאס קומט ארויס איינפאך קינדיש. א קלאהרער מענש קען געבען א רמז פון א משוגענעם נאר דאן ווען ער לעבט פאלשטענדיג איבער דיא טראגעדיע פון זיין העלד, ווען ער געהט אין גאנצען אריין אין זיין לאגע, ווען ער היפנאטיזירט זיך אליין אויף אזוי ווייט, ער זאל טאקע פיהלען דעם אונגליקליכען'ס טיעפע שמערצען און פיהלען אין זיך עטוואס פון דיא ווארימקייט פון יענעמס מארך־פיבער. דער „אנהייב" איז אבער געשריעבען צו סקלאדנע, צו גלאט, דער העלד רעדט גלאט צופיעל, ער וויצעלט זיך אפילו (אמת טאקע נאריש אבער ניט משוגע) און דער רעזולטאט איז, אז דאס איז א גאנץ קאלטער מאנאלאג (בכלל זיינען דיא מאנאלאגען אין דער זאמלונג ניט געראטען געשריעבען מיט'ן נוסח פון א פעליטאן.) פון א פסיכאלאגישער בילד איז עס זעהר ווייט.

דיא צווייטע טהייל פון דער „אנהייב", דער וועלגערקע'ס מאנאלאג איז נאך וועניגער אינטערעסאנט איידער דער ערשטער. ער גיט כמעט גאר נישט צו קיין נייעס, אזוי אז עס ווילט זיך באלד פרעגען וואס פאר א שייכות עס איז דא צווישען דיא צוויי מאנאלאגען? אויך האט דאס גאר א קנאפען זינן צו ווידערהאלען דא דיא סצענעס פון דער „מהומה."

דער העלד פון „געשלאָגען דעם טאַטען" הייסט אויך אַ משוגענער ביי דער גאַנצער וועלט. ער איז אָבער אין ערגסטען פאַל נאָר אַ שטיקעל אידיאָט. ער רעדט אזוי וויא אלע גרויסע קינדער פון פאָלק ריידען. ער קריעגט קלעפּ און ער שווייגט. דאָס ליעגט שוין אין דער נאַטור פון דיא „באנטשע שווייגס". זיין אידיאָטסטווא ווייזט ער נאָר ארויס דערמיט וואָס ער פרעגט גאַנץ נאַאיוו וויא אזוי האָט דאָס איהם דער טאַטע געקענט וואַרפען „אַ שווער לייכטער אין קאָפּ? און אז ער וואָלט מיך געהרג'עט? אַ גלייכווערטיל איז דאָס, וואָס? . . ." זיין איינציגע „משוגעת" בעשטעהט אין דעם וואָס אין אַן אָנפאַל פון ווילדען צאָרן שלאָגט ער דעם טאַטען און פון גרויס אימפּעט ווייס ער גאָר ניט וואָס ער טהוט.

דוד פינסקי.

אויף דיעזער מאָנאָלאָג איז ניט גענוג קרעפטיג צו זיין דראַמאַטיש, דיא ווערטער זיינען ניט גענוג כאַראַקטעריסטיש, אַז זיי זאָלען שילדערען דעם מענשענ'ס גייסטיגען צושטאַנד און אַ סך זאַכען ווערען דאָ געזאָגט וועלכע זיינען גאָר ניט צו דער זאַך.

דערפאַר איז דער מאָנאָלאָג פון „אין משוגעים הויז" פיעל בעסער. דער העלד איז אויך אייגענטליך ניט משוגע, נאָר קיינער פערשטעהט איהם ניט, האַלט מען איהם פאַר משוגע. ער איז זעהר צורייצט און נאָר אַ האָאר צינדט ער זיך אָן. ער וויל ארבייטען און קען ניט. ער שלאָגט טשוועקעס אין וואַנד, קריכען זיי ניט. בעט ער זיך ביי זיי זאָלען קריכען, איינעם כאַפּט ער אזש בייסען. געוועהנליך אָבער איז ער אַ נאָרמאַלער מענש. נאָר ער איז איינער פון דיא „געפעהרליכסטע" משוגעים פאַר דער וועלט, וואָרים ער איז עהרליך וויא אַ קינד, מענשענ־

פריינדליך אָהן אַ גאַל און ער וואָלט וועלען, אַז אַלע זאָלען לעבען ווי אַ ברידער. דיעזער מאָנאָלאָג בעוועגט זיך שנעל, נערוועז, די ווערטער זיינען שטאַרקע, כאַראַקטעריסטישע און דער געפיהל פון דעם ערצעהלער אַטהעמט שטאַרק אויפ׳ן לעזער. בכלל איז דיעזע ערצעהלונג אַ העכסט סימפּאַטישע. זי אַטהעמט איינפאַך מיט דער ריהרענדער פּאָעזיע וועלכע רינגעלט ארום די וויגעלע פון דעם „בונד".

5.

אין אַנדערע סקיצען, וואו פּינסקי נעהמט זיך ניט אונטער צו ערפאָרשען דאָס וואָס איז אפשר אונערפאָרשליך און ער בענוגענט זיך מיט אויסמאָהלען די געוועהנליכע געפיהלען פון ליידענשאַפט, פרייד, צאָרן אָדער פערקאָכטקייט, דאָרט געלינגט דאָס איהם גאָר ניט שלעכט אריינצופיהרען דעם לעזער אין דעם גליהענדען געמיטה פון זיינע העלדען. דאָס איז דער פאַל מיט דער בעשרייבונג פון דער ליעבעס פרייד פון דער חסידה׳שער מיידעל.

א גליהענדע שילדערונג פון א טיפען, ברענענדיגען פּלוצלונגען געפיהל געפינען מיר אין דעם „אין שטורם" וואו עס ווערט פּאָרגעשטעלט ווי אַ פרומע אידענע ווערט געוואָהר אום שבת תשובה, אז איהר טאָכטער איז אוועק זיצען צום „שטיק משומד" און זי לאָזט זיך אוועק זוכען איהר טאָכטער אין אַזא שרעקליכער פּאַגאָדע, ביז וואַנען ענדליך געפינט זי איהר טאָכטער מיט׳ן „שטיק משומד" דערשלאָגענע פון בליטץ.

די שילדערונג פון דער מוטער׳ס וואוטה, פון דעם בייזען, ווילדען אימפּעט וועלכער טרייבט זי ווי אַ וויכער, אָדער ווי אַ פייער שטראָם, איז אונגעהייער שטאַרק, אפשר שוין צו שטאַרק צו ראָמאַנטיש פאַר אַ רעאַליסטישער ערצעהלונג. אָבער קיין געפיהל־מאָהלעריי פעהלט דאָ יעדענפאַלס ניט.

אויך די ווילדע נאַטור־בילד איז דאָ זעהר גוט געמאָהלען, רייך אין פאַרבען און נאַטורטריי.

ביישפּיעלע פון אַ רייכער צייכנונגסקראַפט זיינען איבערהויפּט צו־וואָרפען כמעט איבער׳ן גאַנצען ביכעל. אַזוי, למשל, אין „דאָס מיידעל ביים ארון קודש" איז דאָ אַ מערקווירדיג העלע און רייכע שילדערונג פון די ליכטעפּעקטען וואָס די זונען־שטראַהלען צושיטען איבער׳ן בית־המדרש. די פסח בילד אין „ערוואַכונג" פינקעלט אויך מיט רייכע פאַרבען און שפּיעגעלט אין זיך אָפּ דעם גייסט פון דער גליקליכער יום טוב נאַכט. אויך די צוויי שמחת תורה בילדער אין „אַלטינקא" און אין „פרעהליכען גביר" קריצען זיך שאַרף איין אין זכרון.

אויך געלינגט פּינסקי׳ן גאַנץ אָפט איבערצוגעבען (נאַטירליך דאָ איז דער עיקר די רייד פון דער איצטיגער זאַמלונג) מאַנכע כאַראַקטערשטריכען פון איינצעלנע און גאַנצע רעדלאַך מענשען. אַזוי, למשל, איז דער בילד פון ר׳ זעליג דער „חסידישער ביינדעל" אין „אַלטינקע" אַ גאַנץ קענטיגער אָנבליק פון אַ מענשען, און די געשפּרעכען פון די רעדלאַך וואָס קלייבען זיך צוליעב ר׳ שלומה׳ס (אין „רב שלמה") רעפּאָרמערס גיבען גאַנץ לעבעדיג איבער די בילדער פון גאַס. נאָך מעהר, פּינסקי באַזיצט אַמאָל די קראַפט אויסצומאָהלען אַ גאַנץ שטאַרקע בילד, איבערצוגעבען אַ גאַנצע טראַגישע סיטואַציאָן סך הכל מיט אַ פּאָר ווערטער.

אין דעם ביכעל קומען ארויין אויך איינִיגע זאַכען אין וועלכע עס איז ניט נאָר ניטאָ קיין שטאַרקע שילדערונגען, נאָר וועלכע פערדיענען קוים אָנגערופען צו ווערען ליטעראַטור. צו דער אַבטהיילונג געהערען גאַנץ גרויסע שטיקער פון „איין אָנהייב" „געשלאָגען דעם טאַטען" און „דער גרויסער מענשען פריינד". אַהערצו געהערט אויך „אַ היינט מאָדישער ראָמאַן" „קעמפּפער" „די יונגע" „ביים אַדוואָקאַט". עס איז צו באַמערקען, אַז דאָס לעצטע איז די איינציגע ערצעהלונג, ריכטיגער פעליעטאָן וואָס פּינסקי האָט אָנגעשריעבען פון אמעריקאַנעם לעבען. עס איז איינפאַך ערשטוינט צו ווערען ווי ווייניג אונזערע שרייבער קענען זיך אַקקלימאַטיזירען אין זייער נייער היים, ווי שקלאַפיש צוגעבונדען זיי זיינען עס צו דער פערגאַנגענהייט אין דער אַלטער היים און ווי ווייניג זיי פערשטעהען און ווערען בעריהרט פון דעם איבערפליצענד רייכען אידישען לעבען אין אַמעריקאַ.

די ערקלעהרונג ווי אַזוי האָט עס צום גאָלד פון „יום כיפור דאַווענער" אָדער פון „אין שטורם" אָדער פון „צוויי וועלטען" געקענט צושטיין אַזאַ פסולת ווי „דער גרויסער מענשענפריינד" אָדער אַ „היינטמאָדישער ראָמאַן" ליגט אין די פאָלגענדע צוויי פונקטען. ערשטענס, איז פּינסקי, ווי שוין געזאָגט, ניט בלויז אַ מאָהלער נאָר אויך אַ סאָציאַליסטישער פּרעדיגער און דאָס צווינגט איהם אַמאָל אריינצוטרעכענען בראָשורען צווישען ליטעראַטור. צוליעב דעם טעם טאַקע, ווי שוין אָנגעדייטעט, פאַרלירט אַמאָל פּינסקי דעם טאַקט און האַקט אָפּ אין מיטען שילדערונג מתרה צו זיין דעם לעזער, ער זאָל נאָר קיין טעות ניט האָבען. אַזוי, למשל, מורא האָבענדיג טאָמער וועט איהר אויך מיינען ווי אַלע שטעטעלדיגע, אַז מיט דעם אלטען

ר׳ זעליג („אלטינקע“) איז א פערגעניעגען צו רעדען, קומט פינסקי און איז אייך מתרה, אז דאס איז נאר „וויא דער עולם מיינט.“

דער צווייטער פונקט איז דאס וואס פינסקי איז קענטיג צו שטארק פארליעבט אין זיינע שריפטען, מיינענדיג הפנים, אז אלץ, וואס קומט ארוים מפיו הקדוש איז ליטעראטור. מען קען, למשל, גאנץ גוט פארשטעהען, וויא אזוי פינסקי האט מיט עלף יאהר צוריק געקענט צושיקען א „מהומה“ אלס א סקיצע צום „אבענד בלאט.“ אין א טעגליכער צייטונג, און דערצו נאך ניט קיין מפונקת אויף ליטעראטור, האט דאס געמעגט זיין געדרוקט, אבער וויא קומט דאס אין א זאמלונג פון דעם איצט בעריהמטען און אנערקענטען פינסקי? אז מען לייענט עס אין דעם ביכעל קוועטשט מען טאקע מיט דיא פלייצעם און מען זאגט איינעם מיט׳ן אמעריקאנעם:

„True story, but what is the use?“

אדער מען קען פערשטעהען וויא אזוי, מיט 10 יאהר צוריק האט „דיא נסיעה“ געקענט גילטען ביי פינסקי׳ן אלס נאכאהמונג נאך מענדעלע מוכר ספרים. וויא אזוי אבער פינסקי זאל נאך אין 1906 קוקען אויף אזא מאכערייקע וויא אויף א שפאס בלויז און ניט וויא אויף א ניטגעלונגענעם, גראבען שפאס? דאס לאזט זיך ערקלעהרען סיידען נאר מיט פינסקי׳ס צו גרויסע ליעבע צו זיינע אייגענע שריפטען.

און אפילו דיא ערצעהלונג „שיני“, וועלכע איז, אגב אורחא, וועדליג וויא פאר א דיכטער, נאר א גאנץ שוואכער אברוף אויף דעם קישינעווער פאגראם, האט אויך קיין פלאץ ניט אין דער איצטיגער זאמלונג. ווייל אייגענטליך איז דאס מעהר אן ארטיקעל איידער אן ערצעהלונג. טאקע שעהן געשריעבען, אבער פארט ניט קיין ערצעהלונג.

.6

פינסקי׳ס טעכניק איז ניט אלע מאל גלענצענד. אפט מאל האט ער, גאר ליעב אנצוהייבען מיט אן איינלייטונג אנשטאט גלייך אנפאנגען מיט א בעוועגונג, מיט א פאסירונג. נאטירליך, מאכט דיא איינלייטונג אז דער אנפאנג פון דער ערצעהלונג זאל זיך לעזען גאנץ לאנגווייליג, אין דער צייט וואס דיא ערצעהלונג פון דעם צווייטען מין פערכאפט גלייך דעם לעזערס אינטערעסע. איינגע סקיצען ליידען אויך דער שוואכער אדער אבגעהאקטער ענדע („אין שטורם“ און „געשלאגען א טאטען.“

גאנץ פארדריסליך ווערט אויך אמאל פינסקי׳ס שטרעבען צו געברויכען א ריינעם, פערדייטשטען אידיש. דאס דערמאנט אן דקדוקי עניות און דארף אויסגעמיטען ווערען שוין דערפאר אליין וואס דיא גערמאנישע שפראך־פארמען קלינגען זעהר ניט היימיש דעם אידישען לעזער. אנשטאט צו לעזען געשווינד און פערטיעפען זיך וואס מעהר פיהלט ער גאר אזוי וויא ער וואלט געגאנגען איבער א גריבערדיגען וועג. „עהערנעכטען“ איז טאקע ריכטיגער על פי דייטשע עטימאלאגיע איידער „אייערנעכטען“ אבער וויאבאלד עס וועט פיעלע לעזער כאטש אויף איין רגע אברייסען פון ביכעל איז מיין כפרה דיא ריכטיגקייט. „דעם פריילין“ איז — איך פערלאז מיך אויף העררן פינסקי׳ן — טאקע ריכטיגער איידער „דער פריילין,“ אבער וואצו דארף דער לעזער האבען דעם אונגנויטהיגען געפיהל אז ער האט דא א נייע שפראך פארמע? ווער רעדט שוין וועגען „איבערשטונדען“, אנשטאט „אווערטיים“. אמת טאקע, הערר פינסקי האט געוואלט יוצא זיין פאר רוסלאנד, אבער זיי וואלטען דאך געמעגט אראפשלינגען דעם ענגלישען ווארט אויך.

.7

אבער מיט אלע זיינע חסרונות, וועלכע זעהען זיך דאך וועניג אן לגב. דיא פיעלע מעלות, איז דער איצטיגער ביכעל איינע פון דיא וויכטיגסטע ערשיינונגען אין דער אידישער ליטעראטור. עס איז פיעלייכט דיא וויכטיגסטע אויסגאבע נאך פרץ׳ס שריפטען. דאס איז א ביכעל געשריעבען פון אן עהרליכער פעדער. עס ענטהאלט בילדער, מאנכעסמאל געמאהלען מיט ניט גאר קיין הייסע, אבער אפט מיט גאנץ ווארימע פארבען. עס שפיעגעלט אפ דעם טיעפען, קלאהרען בליק פון א אידישען קינסטלער וועלכער שטעהט בין המצרים און קוקט אי אויף דיא יונגע אי אויף דיא אלטע. עס זיצט מיט דעם נייעם שטורם און דראנג אין דער אידישער געשיכטע, ווען דיא עקאנאמישע איבערקעהרעניסען אין דער רוסישער גהעטטא שאפען ביי אונז נייע טיפען, נייע פנים׳ער און נייע מאסען. עס איז אמת אז היינט שרייבען שוין אנדערע אויך מכח די איבערקעהרעניסען. אבער דיא איצטיגע סקיצען, דיא מייסטע וועלכע זיינען שוין איבער צעהן יאהר אלט, זיינען געוועזען דער ערשטער בעראמעטער וואס האט אנגעזאגט מכח׳ן קומענדען שטורעם. און דערמיט האבען זיי אויפגעעפענט א נייע עפאכע אין דער אידישער ליטעראטור.

י. ענטין.

דער וועלט בנין.

אלטע און נייע טהעאָריען

פון פּראָפעסאָר יוליוס פראנץ.

(שלום).

וועגען דעם געבוי פון דער שטערן וועלט שווייגט קאָפּערניקוס. אָבער וויא עס ווייזט אויס פון זיינע ווערק, האָט ער אויף דיא זונן אויך געקוקט וויא אויף דעם מיטעלפונקט פון אללע שטעהענדיגע שטערן.

נאָך איהם האָט קעפּלער אויף אַ מערקווירדיגען אופן צוריק אָבגעפרישט דיא שוין כמעט פערגעסענע השערות וועגען די אויסשטעלונג פון דיא שטעהענדיגע שטערן. קעפּלער האָט געשטרעבט צו ענטדעקען אין גאַנצען וועלט־בנין געזעצען, איינהייטליכקייט און אַ רעגעלמעסיגע שייכות. דיעזע שטרעבונג זיינע האָט איהם געבראַכט דערצו, ער זאָל פּינקטליך בארעכענען און דערגעהען דעם ריכטיגען מאַרשרוט פון דיא פּלאַנעטען. דערפאַר אָבער האָט איהם דיעזע שטרעבונג אָפט געפיהרט אָנצונעהמען טהעאָריען. וועלכע זיינען אפילו געווען זעהר געוואַגט, אָבער ניט בעגרינדעט אויף דער מעכאַניקע.

נאָך קעפּלער'ן נאָך זיינען די שטערן כמעט גלייך דערווייטערט פון דער זונן. זיא, דיא זונן שטעהט אויף אן אויסגעבויערטען פּלאַץ אין הימעל, וואו קיין שטערן זיינען ניטאָ. פון אינוועניג, הייסט עס, איז דער פּלאַץ פון דיא שטערן ארומגעצאַמט פון דיעזער זונן־גרוב, אויסגעלייגט זיינען דיא שטערן אין אַ מין בויגעל, עהנליך צו דיא ספּערען, וועגען וועלכער דיא פאַרצייטיגע אסטראָנאָמען האָבען גערעדט. דיא זונן איז דיא האַרץ פון דעם וועלט־אַל. פון דרויסען רינגעלט דיא ספּערע פון דיא שטערן ארום דעם וועלט־אלל, וואַרפט פון זיך ארויס און האַלט צוזאמען דיא וואַרימקייט אזוי וויא זיא וואָלט געווען דיא הויט פון דער וועלט. דיא ספּערע פון דיא שטערן איז געוויסערמאַסען געמאַכט פון אייז אָדער קריסטאָל און איז קאַלט. דיא זונן אָבער, דאָס איז דער פייער. דיא שטערן זיינען אַ סך קלענער וויא דיא זונן, אָבער זיי ווערען בעלויכטען פון זייער אייגענעם פייער, דערצו נאָך זייגען זייערע פייערען פון פערשיעדענע קאָליאָרען. מען קען אויך, זאָגט ער, — אָננעהמען, אַז דיא שטערן ליגען, וויא אין בראשית שטעהט, אין אַ דינעם וואַסערדיגען מאַטעריאל, ד. ה. אין די „וואסער וואָס איז איבערן רקיע". אזוי אָבער וויא דיא וואַסער איז זעהר ווייט פון דער זונן ווערט זיא פערפראָהרען און פון דאַנען קומט עס וואָס דיא שטערן געפינען זיך אין אַ אייזינגקריסטאָלענער ספּערע. קעפּלער האָט אויך געהאַט אַ מאָס פאַר דיא מיטעל־ליניע (דיאַמעטער) פון דעם שטערן־בויגעל, אויך פאַר דיא דיקקייט פון דעם שטערן־בויגעל גופא. עס איז, נאָך איהם נאָך, געווען 8 טויזענד מיליאָן מאָל אַזוי דיק ווי די זון. די אונגעהייערע מענגע פון מיליאָנען זונען וועלכע מען רופט געוויינליך „מילך־וועג" אָדער „מילך־שטראַסע" האָט קעפּלער פשוט ערקלערט אלס אַ קינג פון שטערן.

אָט אין דעריין נעמליך בעשטעהט עס דער מערקווירדיגער ווידערשפּרוך פון קעפּלער'ס גייסט. פון איין זייט איז ער אַ לאָגישער, מאַטהעמאַטיש־פּינקטליכער פאָרשער. פון דער אַנדער זייט לאָזט ער זיך פארטראָגען פון אלערליי פאַנטאַסטישע השערות, אַבי נור בעפעסטיגען זיין בעליעבטע טהעאָריע מכח אן אלטוועלטליכע האַרמאָניע. עס קען אויך זיין, אז דיעזע ווילדע פאַנטאַזיעס, אין וועלכע ער האַלט זאָגאַר מיט'ן

הומש, זיינען דאָס געווען ביי קעפּלער׳ן דער שעיר לעזאזל, וועלכען ער האָט ארויסגעוואָרפען פאַר דיא פּרומאַקעס, כדי זיי זאָלען זיך ניט טשעפּען צו זיינע גרויסע וויסענשאַפטליכע הידושים.

נאָך דעם וויא דער טעלעסקאָפּ איז ערפונדען געוואָרען און עס זיינען דורך איהם געמאַכט געוואָרען וויכטיגע ענטדעקונגען, און נאָך דעם ווי ניוטאָן האָט בעגרינדעט זיין גראַוויטאַציאָנס (שווערקייט) געזעץ, איז געקומען דער געניאַלער האָללענדער הוגענס מיט זיין בוך „קאָסמאָטהעאָראָס.“ דיעזער בוך, איז ארויס פון דרוק אין דעם יאָהר 1698, ד. ה. אין דריי יאָהר ארום נאָך הוגענסעס טויט. אין דעם בוך איז אַ חוץ אַ בעשרייבונג פון דער פּלאַנעטען־סיסטעם, אויך געוועזן דעם פאָרשער׳ס מיינונגען וועגען דיא שטעהענדיגע שטערן. נאָך הוגענס נאָך איז דיא זונן ניט קיין מיטעל־פּונקט, ארום וועלכען דיא שטערן זיינען אויסגעשטעלט, נאָר זיא איז פּשוט אַ שטערן גלייך מיט אַלע שטערן. און, פאַרקעהרט, יעדער שטעהענדיגער שטערן איז אַ זונן. אזוי וויא דיא זונן איז ארומגערינגעלט פון אַ פּלאַנעטען ־ סיסטעם, אַזוי איז אויך יעדער שטערן בעזונדער ארומגערינגעלט פון זיין פּלאַנעטען־סיסטעם. איינע פון דיא אנדערע זיינען די שטערן אונרעגעלמעסיג צו־וואָרפען איבער דעם וועלט־רוים, אָבער אין דורכשניט גענומען זיינען זיי איבער איהם גלייך פערטהיילט. דיא זונן איז דערווייטערט פון איהרע ארומיגע שטערן לויט דער זעלביגער אָרדנונג וויא יעטווידער שטערן איז אָבגערוקט פון זיין שכן. הוגענסעס מיינונגען וועגען דעם אויסגעשטערנטען הימעל שטימען איין מיט דיא מיינונגען פון דיא הייניגע אסטראָנאָמען. הוגענס האָט דיא ערקענונג פון דעם וועלט ־ בנין געבראַכט צו אַ פיערטער מדרגה.

הוגענס האָט, אזוי וויא קאָפּערניקוס, אויך ניט דערמאָנט דיא מילך־שטראַסע. דערפאַר אָבער בעשעפטיגען זיך שוין מיט איהר אלע ווייטערע פאָרשער. דיא מילך ־ שטראסע, וויא בעוואוסט, ציהט זיך איבער׳ן הימעל פון צפון קיין דרום. זיא געהט ארויס פון דעם שטערן־גרופּפּע קאָססיאָפּעיא און נאָכדעם וויא זיא ענדיגט איהר מהלך איבער׳ן הימעל, געהט זיא אין איהר צוריק אריין. אויפ׳ן וועג, ביי אַ געוויסען פּונקט, צוטהיילט זיך דער מאַרשרוט אין צוויי צווייגען, וועלכע וואַקסען זיך דערנאָך ווידער צונויף, אויף אַזאַ אופן בילדעט דיא מילך־שטראַסע אַ מערקירדיג געשלאָסענעם, אונגעהייערען הימלישען רינג. שוין צוליעב איהר פאָרמע איז דיא מילך־שטראַסע זעהר אַ זאָנדערבאַרע זאַך. אויך פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער פיזיקע שיינט אַזאַ אויסגעצויגענער און אין דער זעלבער צייט אַזאַ פערהעלטניסמעסיג שמאָלער געבוי אין דער פאָרמע פון אַ רינג צו זיין אוננאַטירליך. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס דיא אָסטראָנאָמען האָבען זיך מיט דער מילך־שטראַסע אזוי שטאַרק פעראינטערעסירט און געזוכט פאַר איהר אַן ערקלעהרונג.

קוקענדיג אויפ׳ן הימעל דורך׳ן טעלעסקאָפּ, האָט שוין גאַלילי בעמערקט, אַז דיא מילך־שטראַסע בעשטעהט פון איינציגע שטערן. דער חילוק צווישען איהר און אַנדערע געגענדען פון הימעל ליעגט נאָר אין דעם וואָס דיא שטערן ליגען דאָ עפּטער און גערדיכטער. דיא השערה איז שוין געמאַכט געוואָרען פריהער; גאַלילי אָבער האָט עס מיט זיינע טעלעסקאָפּישע בעאָבאַכטונגען בעשטעטיגט.

אין יאָהר 1755 האָט דער גרויסער דייטשער פילאָזאָף עמאַנועל קאַנט ארויסגעלאָזען זיין בוך: „אַלגעמיינע נאַטורגעשיכטע און טהעאָריע פון הימעל.“ קודם כל לייגט ער דאָרטען פאַר זיין געניאַלע מעשה בראשית פון דעם פּלאַנעטען סיסטעם. אַלע פּלאַנעטען, זאָגט קאַנט, בעוועגען זיך כמעט לויט דעם זעלבען פּלאַן ארום דער זונן. זיי בעוועגען זיך אלע אויפ׳ן זעלבען אופן. דיא פּלאַנעטען זיינען אָבער ווייט אָבגעטהיילט איינע פון דיא אַנדערע, און עס איז צווישען זיי ניטאָ קיין שום מאַטעריעלע פערבינדונג. דאָס אָבער, וואָס זיי בעוועגען זיך אלע אויף דעמזעלביגען אופן, מוז דאָך ארויסקומען פון איין אַלגעמיינער אורזאכע, אַמאָל האָט צווישען זיי יאָ געמוזט זיין עפּעס אַ פערבינדונג. זיי זיינען ענטשטאַנען פון אַ רינינקען, שיטערען טומאַן, וועלכער האָט עקזיסטירט נאָך איידער דיא וועלט איז געוואָרען דאָס וואָס זי איז איצט. דיעזער טומאַן האָט אַמאָל אָנגעפילט דעם גאַנצען רוים, וואו דיא פּלאַנעטען־סיסטעם געפינט זיך איצט. דורך דיא צוציהונג וואָס איין טהייל שטאָף איבט אויס אויפ׳ן אַנדערן, איז דער טומאַן פערגליווערט געוואָרען און אויף אַזאַ אופן זיינען עס געוואָרען דיא פּלאַנעטען. דער טומאַן, וויא לאַפּלאַס האָט שפּעטער אָנגעוויזען, האָט געהאַלטען אין איין ארומדרייען זיך, און זיינע קינדער, דיא פּלאַנעטען, האָבען פון איהם אויך איבערגענומען אָט דיא טבע.

נאָך ניוטאָנען נאָך איבען אפילו דיא שטעהענדיגע שטערן אויס אַן אנציהונג איינע איבער דיא אַנדערע, און דיעזע אַנציהונג פערבינדעט זיי איינע מיט דיא אַנדערע. דיא שטערן, זאָגט ניוטאָן, בעוועגען זיך אויך, הגם צוליעב זייער גרויסע ווייטקייט, דוכט זיך אויס, אַז זיי בע־

וועגען זיך לאנגזאם. אזוי וויא דיא שטערן ציהען זיך דער עיקר מיט דער מילך־שטראסע, האט זיך זיי קאנט פארגעשטעלט אלס א מין סיסטעם עהנליך צו דער פלאנעטען סיסטעם. און פונקט אזוי וויא דיא פלאנעטען־סיסטעם פילט אן א פלאכען הימעלס־שיכט אין דער פארמע פון א לינז, אזוי איז עס אויך מיט דיא שטערען. פאר וואס אבער האט גאר דיא מילך־שטראסע דיא פארמע פון א רינג? דאס שטעלט זיך נאר אזוי פאר פאר'ן אויג. דער עיקר פון דיזע טהעאריען איז בעשטעטיגט געווארען דורך ווייטערע פארשונגען.

קאנט האט נאך ווייטער אנגענומען, אז דיא מילך־שטראסע בעוועגט זיך ארום א מיטעל־פונקט אקוראט אזוי וויא דיא פלאנעטען־סיסטעם, און ער האט געהאפט אז ווייטערע אסטראנאמישע פארשונגען וועלען נאך ארויסברייננגען דיא איינצעלהייטען פון דיזער בעוועגונג. דיזע האפנונג איז ניט מקוים געווארען. עס איז טאקע אמת, וויא קאנט האט געמיינט, אז דיא שטערן צייגען ארויס א מין בעוועגונג, טאקע אן אמת'ע בעוועגונג, ניט בלויז אזא וואס וויזט זיך נאר אויס. דיא בעוועגונג וויזט אבער אויף קיין פאל ניט, אז די מילך־שטראסע זאל זיך ארומדרייען. זיא איז גאר פון אנאנדער סארט. קאנט האט געמאכט אזעלכע אונגעהייערע פארטשריטע אין דער הימעל־קענטניס, דאס ער איז שוין אפילו ארויס מיט דער טהעאריע אז א חוץ דער מילך־שטראסע זיינען דא נאך אנדערע מילך־שטראסען און דאס בעדייטען עס דיא זעהר ווייט דערווייטערטע טומאניגע פלעקען אין הימעל.

דאס וויכטיגסטע, פאר וואס דיא וועלט דארף דאנקען קאנטען אלס אסטראנאם, איז זיין מעשה־בראשית, זיין נעבולאר טהעאריע (דיא טהעאריע וועגען טומאנניגען שטאף פון וועלכען דיא פלאנעטען זיינען ענטשטאנען). מיט 50 יאהר שפעטער איז דיזעלבע טהעאריע בעגריינדעט געווארען אויף דעמזעלביגען אופן אויך פון לאפלאסען. און געקומען איז לאפלאס צו דער טהעאריע אהן דער הילף פון קאנטען.

אויך דער עלזאסער פיזיקער און אסטראנאם לאמבערט האט אין 1761 ארויסגעבראכט א גרויסארטיגע השערה מכח דעם וועלט־בנין, ניט וויסענדיג דיא מיינונגען פון קאנטען. לאמבערט צוטהיילט דיא הימלישע קערפערס אין מדרגות.

א פלאנעט מיט זיינע קלענערע פלאנעטען אדער לבנות הייסט ביי לאמבערטען א סיסטעם פון דער ערשטער מדרגה. אלע פלאנעטען צוזאמען מיט זייערע לבנות דרייען זיך ארום איינצעלנע שטעהענדיגע שטערן, וויא אויך ארום דער זונן. דיא פלאנעטען צוזאמען מיט דיא שטערן ארום וועלכע זיי דרייען זיך, בילדען שוין א סיסטעם פון א צווייטע, העכערע מדרגה. א גאנצע גרופע שטערנס, אדער וויא מען רופט דאס געוויינליך, קאנסטעללאציאן, בילדען א סיסטעם פון א דריטע, נאך א העכערע מדרגה. אלע שטערן פון דער קאנסטעללאציאן בעוועגען זיך ארום א גרויסען צענטראל־קערפער. אלע קאנסטעללאציאנען פון וועלכע דיא מילך־שטראסע בעשטעהט, דאס איז שוין א סיסטעם פון א פערטע מדרגה. אויך דיא מילך־שטראסע בעוועגט זיך ארום א גרעסערן צענטראל־קערפער. אויך לאמבערט האט, אזוי וויא קאנט דיא ווייטע טומאניגע הימעל־פלעקען מיט דער געשטאלט פון שפינדלען אדער רינגען אנגענומען פאר אנדערע מילך־שטראסען. דיא אלע מילך־שטראסען צוזאמען בעוועגען זיך ווידער ארום א צענטראל־קערפער, וועלכער ציהט זיי צו זיך צו, און אויף אזא אופן בעקומען מיר א סיסטעם פון א פינפטע מדרגה. איז דאך אבער דיא קשיא: וועלכער איז ער דאס דער צענטראל־קערפער פון דער קאנסטעללאציאן, אדער פון דער מילך־שטראסע אדער פון אלע מילך־שטראסען צוזאמען? פאר וואס זעהט מען זיי ניט? מילא, אז דיא זונן איז א צענטראל־קערפער, דאס פערשטייען מיר. זיא איז דאך טאקע ליכטיגער פון דיא, וואס בעוועגען זיך ארום איהר. ענטפערט אויף דערויף לאמבערט, אז א צענטראל־קערפער מוז ניט דוקא זיין זעהר ליכטיג אדער אפילו פשוט ליכטיג. ער מעג אויך זיין דונקעל.

לאמבערט'ס מיינונג איז שטארק פערברייט אין דייטשלאנד. א מאל האט זיא געהאט פיעל אנהענגער. מיר קענען זיא אבער ניט אננעהמען צוליעב אייניגע טעמים, איינער פון וועלכע איז נעמליך דאס: א דונקעלער צענטראל־קערפער איז אן אונמעגליכע זאך. א צענטראל קערפער איז א גרויסער קערפער און גרויסע קערפער ווערען בעשאפען דורך א זעהר שטארקע היטץ. אבגעקיהלט ווערען זיי אזוי וויא אונזער זונן, נאר זעהר לאנגזאם. נו, איז אזא מורא'דיג אויפגעהויבענע טעמפעראטור וואלט אזעלכע גרויסע קערפערס ניט לאזען דונקעל ווערן.

ווילהעלם הערשעל האט אונטערזוכט דעם געבוי פון דער מילך־שטראסע מיט דער הילף פון זיין גרויסען שפיעגעל־טעלעסקאפ, וועלכען ער האט אליין אויפגעשטעלט. דיא ערפארשונג פון דער וועלט־געביידע, דאס איז געווען דער ציעל פון הערשעל'ס לעבענס־לענגליכען שטודיום. ער האט זיך אויסגעשטעלט אלס אויפגא־

בע אויסצוגעפינען דיא געשטאַלט פון דער מילך־שטראַסע. ער האָט געאַרבייט אויף דעם גרונד פון דער השערה, אַז דיא שטערן זיינען דורכשניטליך גלייך פערטהיילט אין דעם וועלט־רוים און ער האָט גערעכענט אַז וואָס גרעסער עס איז דער שטיק מילך־שטראַסע וועלכען ער וועט קענען בעטראַכטען דורך זיין טעלעסקאָפּ, אַלץ מעהר שטערן וועט ער זעהן. ער האָט אַזוי געמאַכט ניט ווייניגער פון 3400 שטערן־צעהלונגען מיט זיין טעלעסקאָפּ. אויף אַזאַ אופן איז איהם געלונגען צו בעאָבאַכטען אַ גרויסען פּאַס פון דער מילך־שטראַסע אום צו קענען גענוי בעשרייבען דיא געשטאַלט פון איהר אָליבערפלעכע. דאָס איז געווען דער ערשטער מאָל אין דער געשיכטע פון דער אַסטראָנאָמיע.

שפּעטער האָט הערשעל אויסגעפונען אַז מעהרערע פון זיינע פריהערדיגע מיינונגען זיינען געווען ניט ריכטיג. אַזוי האָט ער, למשל, אויסגעפונען, אַז דיא שטערן זיינען אויף קיין פאַל ניט גלייך פערטהיילט אין הימעל, נאָר אָפט קלייבען זיי זיך גאָר צוזאַמען גרופּעס־ווייז און קומען נאָהענט צו איינע צו דיא אַנדערע. אַלזאָ איז שוין פון אַ גלייכע פערטהיילונג אָבגערעדט. דאַן האָט ער זיך איבערצייגט, אַז זיין גרויסער טעלעסקאָפּ איז גאָר ניט אימשטאַנדע צו דערגרייכען ביז צו דיא גרענעצען פון דער מילך־שטראַסע. און אַז ער האָט אַלזאָ זיין אויפגאַבע — צו געפינען דיא גרענעצען פון דעם וועלט־אַל — ניט געלייזט.

דער ניינצעהנטער יאהרהונדערט האָט ארויסגעבראַכט אַ רייהע פון ענטדעקונגען, וועלכע האָבען געוואָרפען אַ נייע ליכט אויף דעם וועלט־בנין.

עס איז פילפאַך בעשטעטיגט געוואָרען, אַז דיא זונן בעוועגט זיך, און בעוועגט זיך וואָס ווייטער אַלץ שנעלער, צו דער קאָנסטעללאַציאָן הערקולעס. צו דעם שלום איז נאָך הערשעל געקומען, דורך דעם וואָס ער האָט בעמערקט אַז דיא שטעהענדיגע שטערן בעוועגען זיך. מען האָט נאָך אין דעם געצווייפעלט. אָבער אין אָנפאַנג פון ניינצעהנטען יאהר־הונדערט איז דער ספק פערשוואונדען.

מען האָט געפונען אַ וועג וויא צו מעסטען דיא ערשטע פּאַראַלאַקסען פון דיא שטעהענדיגע שטערן, דאָס הייסט, מען קען בערעכענען דיא כלומרשטיגע אומרוקונג פון דעם שטערן, וועלכע קומט דורך דעם וואָס אין דער צייט וואָס מיר קוקען אויף דיא שטערן בייט זיך דאָך אונזער שטאַנדפּונקט צוליעב דער בעוועגונג פון דער ערד. און דורך דיא פּאַראַלאַקסען האָט מען געפונען דיא ווירקליכע ווייטקייט פון דיא שטערן. אָבער אַזעלכע שטערן וועמעס פּאַראַלאַקסען זיינען שוין גענוי בעקאַנט, זיינען נאָך דערווייל דאָ ניט פיעל און מען קען זיך נאָך ניט מאַכען קיין קלאָרע בילד אפילו פון דעם וואָס טהוט זיך באַלד אין דער סביבה פון דער זונן.

אַ וויכטיגע הילף פיר די ערפאָרשונג פון דעם וועלט־בנין איז געקומען מיט דער פאָטאָמעטריע, דיא קונסט פון ליכט־מעסטען. שוין פריהער האָבען דיא אַסטראָנאָמען אָפט גערעדט פון די פערשיעדענע גרויסקייט פון די שטערן. מען האָט זיי אויך פערטהיילט אין פערשיעדענען קלאַסען לויט זייער גרויס אָדער ליכט־קראַפט נאָך. אָבער גענוי בעשטימען דאָס אַלץ האָט מען ניט געקענט. דיא פאָטאָמעטריע אָבער לערנט אונז, אַז דיא שטערן פון וועלכער עס איז קלאַסע אין גרויסקייט, ענטהאַלטען אין זיך צוויי און אַ האַלב מאָל אַזוי פיעל ליכט וויא די שטערן פון דער פאָלגענדער קלאַסע. דורך דער פאָטאָמעטריע קען מען שוין איצט אַוועקשטעלען אַ געוויסע בעציהונג צווישען דיא גרויסקייט פון אַ שטערן און זיין ווייטקייט. אויך וויא באַלד מען וויים נור דעם פּאַראַלאַקס פון אַ שטערן, קען מען שוין אויך אויסמעסטען די קראַפט פון זיין ליכטיגקייט.

הערשעל האָט שוין געמיינט אַז דיא אַלע טומאַנניגע פלעקען וואָס מען זעהט אין הימעל זיינען עס גרופּעס שטערן. אָבער דורך דיא היינטיגע מיטלען פון אַנאַליזירען זאַכען לויט זייערע ריכטיגע קאָלירען, זעהט מען אַז פיעלע אַזעלכע טומאַנניגע הימעל־פלעקען זיינען ניט קיין שטערן, נאָר אַזעלכע גאַזען און ערשט ווען דיא גאַזען וועלען פערהאַרטעוועט ווערען וועלען פון זיי ווערען שטערן.

האָלדען און קילער פון דעם ליקער אָבזערוואַטאָריום האָבען געצייגט, אַז אויפ'ן הימעל זיינען דאָ פיעלע טומאַנען אין דער פאָרמע פון ספּיראַלען דאָס הייסט פון אַ קרייז אַרום אַ קרייז, אַזוי וויא מען בעמערקט אַ מאָל אין געוויסע ראַקעטען. מאַקס וואָלף פון היידעלבערג האָט אָנגעצייגט אַז אויך דיא שטערן זיינען אַ מאָל אויסגעשטעלט שורות־ווייז אין דער פאָרמע פון ספּיראַלען.

און ענדליך איז געקומען דיא פאָטאָגראַפישע קונסט און האָט קלאָר געמאַכט דעם געבוי פון דיא טומאַנען־פלעקען און פון דער מילך־שטראַסע. ווילהעלם סטראַוועע געפינט אויס, אַז דיא מילך־שטראַסע אָדער קורץ געזאָגט, דיא גאַנצע שטערנוועלט בעשטעהט פון בעזונדערע שיכטען, וועלכע זיינען אונבעגרענעצט אין אַלע זייטען. מען קען זאָגאָר זאָגען, אַז זיי ברייטען זיך אויס ביז צו דער אונענד־

ליכקייט. דערמיט אַלזאָ געהט שוין אַראָפּ דיא מיינונג פון קאַנט און הערשעל, אַז דיא מילך־שטראַסע האָט אַ פלאַכע פאָרמע אַזוי וויא אַ לינז און פאָלגליך, אַז איהר פאָרמע האָט אַ גרענעץ. ער האָט אויך אָנגעוויזען, אַז דיא ליכט מוז פון וועלכע ניט איז קערפּערס איינגעצויגען ווערען. ווען ניט האָט דאָך דער גאַנצער הימעל גרונט בעדאַרפט לויכטען. און ווירקליך, עס זיינען דאָ אין וועלט־רוים אונצעהליגע קליינע דונקעלע קערפּערס, אַזוי וויא דיא מעטעאָריטען און פּלאַנעטען, וועלכע נעהמען אין זיך איין דאָס ליכט. דאָך פּאַסט דאָ צו ד'ערמאָנען, אַז דער הימעל־גרונט איז גאָר ניט איבעראַל אַזוי דונקעל. דיא נייערע פאָטאָגראַפיע צייגט גאַנצע גרופּען מיט לייכטענדע מילך־שטראַסען.

ווילהעלם סטרוואווע האָט אויך אָנגעוויזען, אַז וואָס מעהר צוזאַמענגעדריקט די שטע־רן זיינען אין דער מילך־שטראַסע, אַלץ דונקעלער ווייזען זיי זיך אונז אויס צו זיין.

ארגעלאַנדער אין באָנן, זעליגער אין מינכען און סטראַטאָנאָוו אין טאַשקענט, וועלכער האָט זיינע בעאָבאַכטונגען אויסגעברייט ביז'ן גאַנצען דרום'דיגען הימעל — דיא אַלע דריי האָבען בעשטעטיגט אַז דיא קלענערע און נאָך קלענערע שטערן גרופּירען זיך ענג צוזאַמען אין דער מילך־שטראַסע. ווייטער האָבען זיי אויסגעפונען, אַז דיא מילך־שטראַסע איז ווייט ניט אומעטום גלייך אין דער הינזיכט פון שטערן. עס זיינען דאָ געגענדען אין דער מילך־שטראַסע וועלכע זיינען זעהר אָרים אין שטערן. ווידער זיינען דאָ פיעלע שטערן אין געגענדען וועלכע מען האָט פריהער געהאַלטען פאַר דיא אָרימסטע אין דעם פּרט. דיא טומאַנניגע הימעל־פלעקען, זאָגט סטראַטאָנאָוו, האָבען זיך ליעב אַרומצוקלייבען ארום דיא הימלישע געגענדען, וואו די מילך־שטראַסע געהט ניט דורך. ווייסע שטערן, דיא הייסעסטע זונען, האָבען ליעב צו פערקלייבען זיך אין דער מילך־שטראַסע, רויטע און געלע שטערן אָבער וויכען זיא אויס.

פון דיא אַלע פאַקטען מוזען מיר שליסען אַז אין דער מילך־שטראַסע געהט איצט אָן איבערגאַנגס־צושטאַנד, אָן ענטוויקלונגס־שטופע. עפּעס נייעס ווערט דאָרט בעשאַפען.

זעליגער האָפט, אַז אין ווייטערע אונטערזוכונגען וועט מען זיך שוין קענען בעגעהן אָהן דיא אַלטע השערות אַז דיא שטערן זיינען דורכשניטליך גלייך פערטהיילט אין הימעל און אַז זיי האָבען דורכשניטליך דיזעלבע ליכטקראַפט. ער גלויבט אַז מען וועט אויף דעם גרונט פון דיא בעקאַנטע פּאַראַלאַקסען פון שטערן קענען אָנווייזען וואָס פאַר אַ בעציהונגען עס זיינען דאָ צווישען די געדיכטקייט פון די שטערן און זייער ליכט קראַפט. דיא ווייטע טומאַנניגע העמיל־פלעקען, וועלכע קאַנט און לאַמבערט האָבען בעטראַכטעט אַלס ווייטע מילך־שטראַסען ליגען נאָך איהם נאָך אין אונזער מילך־שטראַסען סיסטעם.

גולד האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אַז דיא 400 העלסטע שטערן ליגען גאָר ניט אין דער מילך־שטראַסע, נאָר אין אַ בעזונדער שיכט און ער האָט גענוי בעשריבען דעם מאַרשרוט איבער וועלכען זיי ציהען זיך. ער בעטראַכטעט זיי אַלס אַ בעזונדערע קאָנסטעללאַציאָן און ער נעהמט אָן, אַז אונזער זונן געהערט אויך צו זיי. אויך סטראַטאָנאָוו'ס מיינונגען שטימען איין מיט גולד'ס אין דעם הינזיכט פון אַ בעזונדער שטערן־גרופּפּע, צו וועלכע־ עס געהערט אויך דיא זונן. אַ חוץ דעם איז דאָ צו בעמערקען אנדערע אַזעלכע גרופּען.

נאָך סטראַטאָנאָוו'ס מיינונג קומט אויס, אַז דיא מילך־שטראַסע בעשטעהט פון אַ רייהע שטערן־גרופּפּען. פערשידענע פאָטאָגראַפישע בילדער פון דער מילך־שטראַסע בעשטעטיגען דאָס צום טהייל. אין דיא בילדער זעהט מען אָפט וויא זעהר געדיכטע שטערן־גרופּפּען ליגען לעבען געגענדען אין וועלכע עס זיינען גאָר קיין שטערן ניטאָ.

דער האָללענדישער אסטראָנאָם איסטאָן האָט אויסגעמאָהלען אַ גאַנץ אָריגינעללען בילד פון דער מילך־שטראַסע. נ אָך איהם נאָך בעשטעהט זיא פון אַ ספּיראַל פון שטערן. איין אָרים פון דיזען ספּיראַל איז דאָס גולד'ס 400טיגע שטערן־גרופּע. דיא זונן שטעהט ניט אין מיטען פון ספּיראַל, נאָר נעהנטער צו דיא שטערן־גרופּען, וועלכע זיינען בעוואוסט מיט דיא נעמען אדלער און שוואַן. ניט אומזיסט איז דאָרט דיא מילך־שטראַסע העללער. דיא פערשיעדענע ארימס פון דעם ספּיראַל, וועלכע זיינען עהנליך צו דיא פונקען־שטראַהלען פון דיא ראַקעטען, ליגען ניט אַלע מאָל אויף איינעם און דעמזעלבען פּלאַן. דאָס איז אַ גלאַטע ערקלערונג פאַר דער זאָנדערבאַרער ערשיינונג פון דער צוויי־אָרימדיגער צושפּאַלטונג פון דער מילך־שטראַסע.

קור וואַנאַסיער פון בערלין מאַכט אויפמערקזאַם דאָס נאָהענט לעבען טומאַנניגע פלעקען און שטערן־גרופּען בעגעגענט מען אָפט גאַניץ לעערע געגענדען. אַ גוטער ביישפּיעל איז דער טומאַן וועלכען מען זעהט אין דער קאָנסטעללאַציאָן ש י צ ע ן. אין דריי בעזונדערע ערטער אין דער קאָנסטעללאַציאָן ווערט דער העללער טומאַן פּלוצלונג אויסגעלאָשען און

ווערט פערלארען אין א שווארצען הימעל גרונט — א פאלשטענדיגע לעערקייט. ער בעשטעטיגט דיא אנשויאונגען פון אוסטאנען און גולד און דענקט אזוי וויא קאנט, אז דיא מילך־שטראסע בעוועגט זיך ארום און ארום. זיא דרייט זיך פון מזרח אין מערים, ד. ה. אין דעמזעלבען זינן וויא אונזער פלאנעטען־סיסטעם. ווען אין דיזער בעוועגונג פון דער מילך־שטראסע קומט אריין דער טאנץ אדער וויכער פון נעבעל־מאטעריע, ווערט דיא בעוועגונג דורך דעם געשטערט. דער טאנץ פון דער נעבעל־מאטעריע קעהרט אפ אזוי וויא מיט א בעזים דיא מאטעריע פון וועלכער עס ווערען בעשאפען שטערען. און אט דערפון קומען דאס דיא לעערע געגענדען אין דער מילך־שטראסע.

*   *   *

ווארפענדיג אן איבערבליק איבער דיא אלע טהעאריען, ווערט אונז קלאהר, אז דיא מילך־שטראסע איז ניט א רינג, אזוי וויא עס דוכט זיך אויס פאר אונזער אויג. גיכער איז זיא א געבוי פון צ העכסט פיעלפאכער נאטור און בעשטייט פון א גרויסער אנצאהל פון שטערן־גרופען. דיא צוטהיילונג פון דער מילך־שטראסע אין צוויי וועגען קומט פון דיא ארימס פון דעם ספיראל קרייז אויף וועלכען דיא מילך־שטראסע איז עהנליך. דיא ספיראל פארמע איז א גאנץ אפטע זאך אין הימעל־געבוי.

וואס מעהר מיר דערקענען דעם וועלט־בנין, אלץ גרויסארטיגער און מעכטיגער שטעלט ער זיך אונז פאר. אין דער זעלבער צייט שטעלט ער זיך אונז וואס וויטער פאר אלץ נאטירליכער. גרויסארטיג איז דער וועלט־בנין. אבער ביי זיין גאנצע גרויסארטיגקייט טרעט ער דאך ניט אפ פון דער איינהייט פון דער נאטור.

די נאציאנאלע פראגע און די אידען פראגע.

1.

צווישען דיא גרויסע, שווערע וועלט־פראגען, וועלכע זיינען איבערגעבליעבען אונפערענטפערט בירושה צו דיא קומענדע דורות, געפינט זיך אויך דיא נאציאנאלע פראגע.

נאציאנאלע אונטערדריקונגען, נאציאנאלע קעמפפע זיינען שוין זעהר אלט. אבער דיא נאציאנאלע פראגע אין יעדען שטאאט בעזונדער. צעהנדליגע יאהרען אזוי וויט און ברייט ארויסגערוקט געווארען אין פארדערגרונד. ערשט אין דיא לעצטע צייט האט זיא באקומען איהר ריכטיגע פארמולירונג, איהר מאדערנע פארמען פון אן אלגעמיינער וועלט פראגע.

דיא מאדערנע פארמולירונג פון דער נאציאנאלער פראגע אין לעבען געהט ארויס פון דער פעסטער איבערצייגונג, אז דער פרינציפ פון פאליטישער און רעכטליכער גלייכהייט, וואס איז שוין לאנג דער רעכטס־פונדאמענט פאר דיא בעהאנדלונג פון איינצעלנע פערזאנען, דערזעלבער פרינציפ מוז אויסגעשפרייט ווערן אויך אויף דיא בעהאנדלונג פון נאציאנען. פונקט אזוי וויא יעדע איינצעלנע פערזאן דארף ניט האבען קיין באזונדערע פעררעכטע, פעהיגקייטען א. ז. וו. כדי צו געניסען דיא גלייכהייט פאר'ן געזעץ, פונקט אזוי דארף יעדע נאציאן אנערקענט ווערן פאר גלייכבערעכטיגט, גאנץ גלייך צו איז זיא גרויס, צו קליין, צו שטארק אדער שוואך, צו האט זיא היסטארישע פעררעכטע הינטער זיך און גרויסע אויסזיכטען פאר זיך, אדער ניט.

דיא מאדערנע פארמולירונג פון דער נאציאנאלער פראגע הייסט אזוי: וואס טהוט מען, וויא מאכט מען, אז אלע נאציאנען זאלען קענען זיין גלייך? אז זיי זאלען קענען לעבען איינע נעבען דיא אנדערע, איינע דורכגעמישט מיט דיא אנדערע בשלום ושלוה, און עס זאל ניט זיין ניט קיין הערשענדע און ניט קיין אונטערדריקטע נאציאנען?

שווער איז דיא פראגע צו פערענטפערען אפילו דאן, ווען עס האנדעלט זיך וועגען נאציאנען וואס וואהנען אין פארשיעדענע זעלבסטשטענדיגע שטאאטען, דיא פראגע הייסט דאן אויפ'ן פאליטישען לשון: דיא פראגע וועגען אייביגען פריעדען. דיא מאדערנע קאפיטאליסטישע שטאאטען קענען איהר בשום אופן ניט פארענטפערן.

ניט וויינעגער שווירינגקייט רופט ארויס דיא נאציאנאלע פראגע איז ערשט אין דיא לעצטע זאגאר דאן, ווען אין איין שטאאט וואהנען פארשיעדענע נאציאנען אויף פערשיעדענע טעריטאריען, ווארום ביז דיא לעצטע צעהנדליגע יאהרען האט געהעררשט דער פרינציפ: ווער עס רעגיערט יענעמס נאציאן איז אויך דיא הערשענדע איבערן גאנצען שטאאט. אין רוסלאנד מוז דיא רוסישע נאציאנאליטעט זיין דיא הערשענדע, אין דייטשלאנד די דייטשע, אין אונגארן דיא אונגארישע. דאס האבען דיא אונטערדריקטע נאציאנען גענומען אויפהערען צו פערטראגען, און זיי האבען גענומען פאדערן נאציאנאלע גלייכהייט.

דיא פראגע איז אבער געווארען שווערער און פערוויקעלטער ווען אלע אנדערע נאציאנען;

האָבען גענומען ערוואַכען און פאָדערן זייערע גלייכע נאַציאָנאַלע רעכטע, אפילו דיא וואָס האָבען ניט קיין „אייגענע טעריטאָריע", וואָס וואָהנען דורכגעמישט איינע מיט דיא אַנדערע אויף דיזעלבע טעריטאָריען. אַלץ פעסטער און פעסטער זיינען דיא פעלקער געוואָרען אין דער איבערצייגונג, אז אפילו הינטער דעם מאַנטעל פון פּאָליטישע גלייכבערעכטיגונג פאַר יעדער איינצעלנער פּערזאָן, שטעקט א גרויסע שטיק אונגלייכהייט, אונטערדריקונג און אונרעכט, כל זמן עס עקזיסטירען הערשענדע און אונטערדריקטע נאַציאָנען.

אין פערלויף פון ערשטען העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט האָבען דיא מענשען זיך גענומען אַלץ מעהר אַרומזעהען אז דווקא פּאָליטישע גלייכהייט און פרייהייט זיינען דיא מענשען נאָך ניט גליך און פריי געוואָרען, אזוי לאַנג וויא עס עקזיסטירט נאָך די גרעסטע אונגלייכהייט און אונפרייהייט, די עקאָנאָמישע שקלאַפעריי. און אין צווייטען העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט האָבען די מענשען אַלץ מעהר זיך גענומען אַרומזעהן, אז דיא פּאָליטישע גלייכהייט און פרייהייט האָט נאָך קיין בעדייטונג ניט, כל זמן עס עקזיסטירט נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג און נאַציאָנאַלע אונגלייכהייט.

דיא נאַציאָנאַלע פראַגע — זאָגט פּראָפעסאָר רודיגער — געהערט דעם 19־טען יאָהרהונדערט. אין אמת'ן, ערשט אין צווייטער העלפט פון פאָריגען יאָהרהונדערט האָט גענומען פאָרקומען דיא נאַציאָנאַלע ערוואַכונג פון אַלערליי נאַציאָנען. דער קאַמפּף צווישען דיא הערשענדע נאַציאָן און דיא אונטערדריקטע פיהלט זיך שטאַרק אין דייטשלאַנד: דיא פּאָלאַקען, דיא דענען, דיא עלזאַסער ווילען זיך מעהר ניט לאָזען געפאַלען דיא קולטורעלע אונטערדריקונג. דער קאַמפּף האָט זיך צופלאַקערט. און עסטרייך־אונגאַרן, וואו עס וואָהנט אן ערב־רב פון אַלערליי מעגליכע נאַציאָנען און פעלקער, גרויסע און קליינע, „מכבוד'דיגע" און „פּראָסטע", זיי אַלע האָבען מיט א מאָל גענומען פאָדערן דיא אנערקענונג פון זייערע נאַציאָנאַלע אייגענשאַפטען און בעזונדערהייטען שפּראַך, זיטען און טראַדיציאָנען. אין וואָס מיר זיינען, זיינען מיר — זאָגען זיי — אבי מיר פיהלען זיך אלס בעזונדערע נאַציאָן, אבי מיר האָבען באַזונדערע נאַציאָנאַלע אייגענשאַפטען. און מיר האָבען דאָס רעכט צו פאָדערן אז דיא נאַציאָנאַלע אייגענשאַפטען זאָלען אנערקענט און רעספּעקטירט ווערען פון שטאַאט. מיר ווילען ניט, אז עסטרייך זאָל פאַררעכענט ווערען פאַר א דייטשען שטאַאט. און אונגאַרן פאַר א אונגאַרישען. מיר ווילען ניט, אז אונזער גאַנצע ערציהונג זאָלען מיר דאַרפען בעקומען אין יענעם, פאַר אונז פרעמדען גייסט, און יענע פאַר אונז פרעמדע שפּראַכען, אז אין אַלע רעגירונגס אינסטיטוציאָנען זאָלען מיר זיך דאַרפען בעטראַכטען פאַר פרעמדע, וואו מיר זאָלען מוזען אָנקומען צו איבערזעצער.

דער נאַציאָנאַלער קאַמפּף האַלט ביים ווערען א העלישער פייער אין רוסלאַנד. איצט, ווען דיא אַלטע קייטען וואָס האָבען אַלעמען געהאַלטען געשמיעדט זיינען אזוי צוראָסטעט געוואָרען און ברעכען זיך. און אַלע פּאַרטייען אין רוסלאַנד האָבען פערשטאַנען, וויא ערנסט דיא פראַגע איז, וויא געפעהרליך דיא לאַגע און כמעט אַלע פּאַרטייען האָבען פון פּאָראויס מסכים געווען צו דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַל קולטורעלע גלייכבערעכטיגונג פאַר אַלע נאַציאָנען פון רוסלאַנד. דאָס איז דער איצטיגער צושטאַנד פון דער גרויסער וועלט־פראַגע — דיא נאַציאָנאַלע פראַגע אין לעבען.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז דיא נייע ווענדונג וועלכע דיא נאַציאָנאַלע פראַגע האָט אָנגענומען אין לעבען פון דיא נאַציאָנען, האָט געמוזט אריינברייגען א גאַנצען איבערקעהרעניש אויך אין דער טהעאָריע. דיא אַלטע טהעאָריען וועגען דעם וואָס איז אזוינס א נאַציאָן, וועלכע האָבען פער'משפט גאַנצע נאַציאָנען צום טויד, ווייל זיי האַלטען ניט אויס דיא „וויסענשאַפטליכע" פּראָבע, דאָס הייסט ווייל זיי האָבען ניט די אַלע סימנים, וועלכע איינציגע טהעאָרעטיקער פאָדערן פון זיי, דיא טהעאָריען אַליין זיינען שוין לאַנג פאַר'משפט געוואָרען צום טויט, ווייל עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז זיי ערקלעהרען און בעגרייפען דיא זאַך ניט ריכטיג.

פאַר פּראָפעסאָר לאַצארוס, צ. ב. איז דער הויפּט סימן פון א נאַציאָן דיא שפּראַך. קומט אָבער צו געהן פּראָפעסאָר רימליין, א קריסט, און פרעגט אָפּ דעם אידישען געלעהרטען און פּאַטריאָט לאַצארוס, מיט א טענה: „דיא אידען זיינען א פאָלק, כאָטש זיי האָבען ניט איבעראַל דיזעלבע שפּראַך, כאָטש זיי וואָהנען זאָגאַר אין פערשיעדענע לענדער. און דיא שווייצער זיינען איין נאַציאָן, כאָטש דיא פערשיעדענע טהיילען פון דער שווייצארישער נאַציאָן האָבען דריי שפּראַכען און שטאַמען אָפּ פון גאַנץ פערשיעדענע ראַסען, נור ווייל זיי האָבען איין שטאַאט."

און אזוי ווייטער און ווייטער געהן שוין לאַנג דיא מיינונגס פערשיעדענהייטען אין דער טהעאָריע וועגען נאַציאָנען. דיא צייטען ווען מען האָט בכלל געהאַלטען, אז עס זיינען דאָ

נאַציאָנען וועמעס נאַציאָנאַלע בעזונדערהייטען זיינען ווערטה אַנערקענט צו ווערען, און וועמעס ניט, (אַ טהעאָריע אין וועלכער זאָגאַר קאַרל מאַרקס האָט זיך געהאַלטען יונגערהייט. פערגלייך מאַרקס ארטיקעל „פעלקער פערברידערונג אין פעברואַר נומער „צוקונפט“) — דיא צייטען זיינען שוין לאַנג פאַראיבער און אַזוינע טהעאָריען ווערען היינט פון קיין ערנסטען פּראָגרעסיווען דיינקער און פּאָליטיקער ניט אַנערקענט.

דער אמת איז, אַז דיא וויסענשאַפט האָט היינט נאָך קיין פעסט־בעשטימטע ערקלעהרונג ניט פאַר דיא נאַציאָנאַלע ערשיינונגען — (וויא האינדמאַן האָט עס גאַנץ ריכטיג ניט לאַנג ערקלעהרט אין „קוריער אייראָפּיע“). און די פּאָליטיק האָט לאַנג אין דער הינזיכט זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירען און רעכענען מיט דער מיינונג פון דער „וויסענשאַפט“.

בכלל איז איצט אָנגענומען געוואָרען אַלס אַ פּאָליטישער פּרינציפּ דיא ערקלעהרונג פון נאַציאָן, וועלכע רודאָלף שפּרינגער האָט געגעבען אין זיין עפּאָכעמאַכענדעם ווערק „דער קאַמפּף דער עסטרייכישער נאַציאָנען אום דען שטאַאט“ — וועלכע זאָגט: „אַ נאַציאָן — איז אַ פערבאַנד פון מענשען וואָס ריידען אָדער דיינקען נאָך גלייכע פאָרמען, אַ קולטורעלע אחדות פון מענשען, וועלכע איז ניט פערבונדען מיט דער ערד.“

אין וואָס די קולטורעלע אחדות בעשטעהט, דאָס איז ניט אַזוי וויכטיג. עס איז נור וויכטיג דער פאַקט, דאָס אַ געוויסע צאָהל מענשען פיהלען זיך פערבונדען אַלס נאַציאָן, האָבען געוויסע גייסטיגע בעזונדערהייטען און פאָדערן אַז דיא גייסטיגע בעזונדערהייטען זאָלען פון קיינעם ניט געשטערט ווערען. איינע זאָגען, אַז צו נאַציאָנאַלער אונאַבהיינגיגקייט מוז יעדע נאַציאָן האָבען אַ בעזונדערע טעריטאָריע אָדער זאָגאַר אַ בעזונדערן שטאַאט. אַנדערע זאָגען, מען קען אין דערזעלבער טעריטאָריע איינפיהרען קולטורעלע אויטאָנאָמיא פאַר מעהרערע נאַציאָנען.

דער נאַציאָנאַלער געפיהל אויף אַזוי ווייט, וויא ער פּרעטענדירט ניט צו הערשען איבער אַנדערע — ווערט היינט פון אַלע פאָרטגעשריטענע מענשען אַנערקענט פאַר אַ פּראָגרעסיווען פאַקטאָר. און דיא פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג פאַר אַלע נאַציאָנען, ווערט בעטראַכט פאַר איינע פון דיא גערעכטעסטע פאָדערונגען. און אויף אַזוי ווייט איז דיא נאַציאָנאַלע פראַגע אין לעבען אָבגעריסען געוואָרען פון דיא אַלטע, פאַרשימעלטע „וויסענשאַפט־ליכע“ דעפיניציאָנען, אַז גאַנץ קלאָהר ווערט אַרויסגעזאָגט דער געדאַנקען: „יעדער מענש איז פריי צו־צושטעהן צו דער נאַציאָן, מיט וועלכער ער פיהלט זיך גייסטיג ענגער פאַרבונדען“.

* * *

2.

אויף דעם אַלגעמיינעם באָדען פון דיא נייעסטע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און נאַציאָנאַליסטישע בעוועגונגען אין אייראָפּאַ זיינען אויך אויפגעוואַקסען דיא מאָדערנע נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגען און בעוועגונגען צווישען אידען און זייערע פערשיעדענע פאָרמען: אין דער פאָרם פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיא (דיא נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון „בונד“) און אין דער פאָרם פון אַ בעזונדערער אונאַבהיינגיגער טעריטאָריע (פּאָליטישער ציוניזמוס און טעריטאָריאַליזמוס.)

דיא אידען פראַגע איז נור אַ קליינער גליעד פון דער אַלגעמיינער גרויסער וועלט־פראַגע — דער נאַציאָנאַלער פראַגע. און דיא אידישע נאַציאָנאַליסטישע בעוועגונגען זיינען נור דיא אידישע פאָרמען פון דיא אַלגעמיינע נאַציאָנאַליסטישע בעוועגונגען פון אַלע אונטערדריקטע נאַציאָנען.

אַזוי וויא עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס דיא נייע ווענדונג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז אַרויס פון דעם סאָציאַליסטישען פּראָלעטאַריאַט פון דיא אונטערדריקטע נאַציאָנען אין עסטרייך, וועלכער האָט אין דעם פּרינציפּ פון קולטורעלער אויטאָנאָמיא, ענדליך געפונען דיא איינציג מעגליכע גערעכטע פערענטפערונג פון דער נאַציאָנאַלע פראַגע דאָרט; דעם איינציגען אויסוועג, וויא צו מאַכען אַ סוף צו דיא נאַציאָנאַלע קעמפּפע, אַזוי איז אויך ניט קיין צופאַל וואָס דער נייער פּרינציפּ פון קולטורעלע אויטאָנאָמיא — דער פּאַסענדסטער פּרינציפּ פאַר אַ פאָלק, וואָס איז צו זעעט און צושפּרייט צווישען אַלע אומות און שפּראַכען — איז ביי אידען צו־ערשט אַריינגעפיהרט געוואָרען פון סאָציאַליסטיש־פּראָלעטאַרישען „בונד“, „די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַלס ריינע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז מעהר ווי אַלע אַנדערע פּאַרטייען פּראַאינטערעסירט אין דער פערניכטונג פון נאַציאָנאַלער אונטערדרריקונג, אין דער אָבשאַפונג פון נאַציאָנאַלע פּריווילעגיען, און אין דער אויסגלייכונג פון דיא בירגערליכע, פּאָליטישע און קולטורעלע רעכטע פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער. אָבער עס איז דאָ נאָך אַ זייט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועלכע ריהרט איהר אָן אַלס סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. דער נאַציאָנאַלער קאַמפּף שטערט דיא ענטוויקלונג פון דיא קלאַסען־גע־

גענזעצע. ער פעראייניגט דיא סאָציאַלע געג־נער פון איין פאָלק און צוטהיילט דיא סאָציאַלע געזינונגס־גענאָסען צווישען פערשיעדענע פעל־קער און פערהאַלט אויף אזא אופן דעם וואוקס און דיא פאַרשפּרייטונג פון דיא סאָציאַליסטי־שע געדאַנקען — דערפאַר קען קיין פאַרטיי ניט קאָנקורירען מיט דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע. אין דער ענערגיע און קלאָהרהייט, מיט וועלכע זיא שטעלט אַרויס דיא פאָדערונגען פאַר דיא אונטערדריקטע נאַציאָנען"—אַזוי שרייבט היינט אַן אנהייגער פון דער רוסישער סאָציאַל דעמאָ־קראַטיע, פון דער זעלבער פאַרטיי, וואָס האָט נאָך גאַר ניט לאַנג אַרויסגעוויזען אַזוי פיעל פיינדשאַפט און רשעות צום „בונד" פאַר זיין נאַ־ציאָנאַלע פאָדערונגען. (גייליקמאַן אין „איטאגי אי פערספעקטיוו" מאָסקווא. 1906.)

און דאָס איז רעכט אַזוי. ווארום דיא סאָ־ציאַליסטען פון אַלע לענדער זיינען שטענדיג געגען יעדער זאָרט אונטערדריקונג, געגען יע־דער זאָרט שקלאַפעריי און דיא נאַציאָנאַלע אונ־טערדריקונג, דיא הערשאַפט פון איין גרויסער, שטאַרקער נאַציאָן איבער דיא אַנדערע קליינע און שוואַכע, געהערט, יעדענפאַלס, ניט צו דיא בעסטע פאָרמען פון אונרעכט און אונגערעכטיג־קייט.

צו דער פּראָגראַם פון נאַציאָנאַל־קולטורעל אויטאָנאָמיא, וועלכע איז צוערשט אַרויסגע־שטעלט געוואָרען פון עסטרייכישען סאָציאַליס־טישען פּראָלעטאַריאַט, איז דער אידישער פּראָ־לעטאַריש־סאָציאַליסטישער „בונד" געקומען אויף דעם זעלבען וועג וויא ער איז געקומען צו דער פּראָגראַם פון קלאַ־סען - קאַמפּף — ד. ה. אויף דעם גליי־כען וועג פון דער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַ־ציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. און אַזוי וויא עס וואָלט אונמעגליך געווען צו פאַרשטעהן דעם „בונד" אַלס סאָציאַל דעמאָקראַטישע פאַרטיי, ווען מען וואָלט איהם בעטראַכט גאַר אַליין אָהן צוזאַמענהאַנג מיט דיא עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע אומשטענדע פון רוסלאַנד און אָהן גייסטיגען צוזאַמענהאַנג מיט דער אינטערנאַציאָ־נאַלער סאָציאַל דעמאָקראַטיע — אַזוי וועניג קען מען ריידען און פאַרשטעהן דעם „בונד'ס" נאַציאָנאַלע פּראָגראַם ניט אין צוזאַמענהאַנג מיט דיא נאַציאָנאַלע קעמפּפע און ערשיינונגען אין אַנדערע לענדער, ביי אַנדערע פעלקער.

דאָס זעלבע קען מען זאָגען אויך וועגען דיא אַנדערע נאַציאָנאַליסטישע בעוועגונגען, אין וועלכע דר. פּישבערג*) זעהט אַזאַ גרויסע „גע־פאַהר". דער פּאָליטישער ציוניזמוס און נאָך מעהר דער פּועלי־ציוניזמוס און נאָך מעהר דער סאָציאַליסטישער טעריטאָריאַליזמוס זיינען איינגער פערבונדען מיט די מאָדערנע פּאָליטיש־גייסטיגע שטרעמונגען צווישען דיא אייראָפּע־אישע נאַציאָנען, איידער מיט דעם אַלטען גלוי־בען אין משיח'ן, מיט דעם אַלטען בייינקעניש נאָך ציון. עס איז אויך דאָ ניט קיין צופאַל, וואָס דוקא דיא אייראָפּעאיש ערצויגענע און ענט־וויקעלטע אידען, ווי אַ דר. פּינסקער, אַ הערצעל, אַ נאָרדוי, אַ זאַנגוויל זיינען די גייסטיגע שעפּפער און פיהרער פון דיא אַלע אידיש־נאַציאָנאַליס־טישע ריכטונגען. אויך דיא אידישע „געפעהר־ליכע" נאַציאָנאַליסטישע בעוועגונגען מוז מען אונטערזוכען אין צוזאַמענהאַנג מיט דיא ענט־שפּרעכענדע ערשיינונגען ביי אַנדערע פעלקער. און אין צוזאַמענהאַנג מיט דיא שטרעבונגען און בעוועגונגען פון אַלע אַנדערע אונטערדריקטע נאַציאָנען. ווי ברייטער קומט אויס דער האָרי־זאָנט, וויא רייכער דער בילד פון דער נאַציאָ־נאַלער פראַגע!

דאָס איז דיא ערשטע פאָדערונג, וועלכע מען מוז שטעלען יעדער ערנסטער און עהרליכער בעהאַנדלונג אויך פון דער אידישער נאַציאָנאַ־ליסטישער בעוועגונג. דיא צווייטע פונדאַמענ־טאַלע פאָדערונג איז אַז איידער מען פאַר'משפּט אַ בעוועגונג צום טויטט, איידער מען איז מרעיש עולם געגען איהרע „געפאַהרען" דאַרף מען איהר קודם כל פאַרשטעהן, קודם כל אונטערזוכען דיא אומשטענדען און אורזאַכען, וועלכע רופען איהר אַרויס. ווארום אויב זיא איז אַ היסטאָרישע נויטהווענדיגקייט, דאַן איז דאָך איבריג דער שרייען, שילטען און מחרים זיין. און אויב זיא איז אַפילו „געפעהרליך", אָדער שעדליך, דאַן קען מען דאָך אויך ניט אויסגעפינען דיא ריכ־טיגע „קוראַציע", כל זמן מען ווייס ניט, וועלכע אורזאַכען עס רופען אַרויס דיא קראַנקהייט.

3.

דר. מ. פּישבערג מאַכט אַפילו זעהר גרויסע פּרעטענזיעס אין זיין ביכעל. ער וויל „פון סטריקט וויסענשאַפטליכען שטאַנדפּונקט" „בע־ווייזען דיא פאַלשקייט פון אידישען נאַציאָנאַ־ליזמוס". אָבער מיר מוזען זאָגען גאַנץ אָפען, וואָס ווייטער מיר האָבען געלעזען זיין ביכעל, אַלץ מעהר האָבען מיר זיך איבערציינט אַז דער „סטריקט וויסענשאַפטליכער" מאַן האָט קיין ברעקעל ידיעה ניט וועגען דעם, וויא עס האַלט היינט אין לעבען דיא נאַציאָנאַלע פראַגע, און אַז ער פאַרשטעהט איבערהויפּט ניט דיא פּראָב־לעמע.

דער אונטערשיעד צווישען „גלייכע רעכ־טע" פאַר פערזאָנען און „גלייכע רעכטע" פאַר נאַציאָנען — אָט דער פונדאַמענט פון דער נאַ־

*) דיא געפאַהר פון דיא אידישע נאַציאָנאַ־ליסטישע בעוועגונג. פון דר. מ. פּישבערג, אַרויס־געגעבען פון מ. מייזעל, נויאָרק.

ציאָנאַלער פראַגע און די טרייבענדע קראַפט פון אַלע נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגען און קעמפפע, פארשווינדעט ביי איהם אין גאַנצען. דערמיט פארשליסט ער פאר זיך דעם צוטריט צו דער פראַגע.

די נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגען פון אַלע אַנדערע אונטערדריקטע נאַציאָנען דער־מאָנט ער גאָרניט. און אפילו די אורזאַכען פון דער „געפעהרליכער" אידישער נאַציאָנאַליסטישע בעוועגונג האָט ער נור אין דער איינלייטונג גע־פונען פאַר נויטהיג צו ערקלעהרען „היסטאָריש". און די „היסטאָריע" איז אַן איינפאַכע: „אין פערלויף פון די לעצטער פאָר (?) יאָהרען זיינען די אידען אַנגעשטעקט געוואָרן מיט דער איירא־פעאישער קראַנקהייט, וועלכע מען רופט „שאָווי־ניזמוס" און דער „שאָוויניזמוס" איז געקומען, ווייל אין רוסלאַנד, רומעניען, טירקיי און דג"ל, געפינט זיך דער איד היינט גראָדע דאָרט, וויא ער האָט זיך געפונען אין מיטעלאַלטער". ניט אמת, אַ מערקווירדיגע קורצע „היסטאָריע", אָט די געשיכטע פון אידישע פערפאָלגונגען, אַנגע־הויבען „אין פערלויף פון די לעצטע פאָר יאָהר" ?

צו וואָס פאַר'אַ קלאָגעדיגע רעזולטאַטען אַזאַ זאָרט „וויסענשאַפטליכע" מעטהאָדע ברייננט דאָ דר. פישבערג, פאַר דעם איין ביי־שפּיעל.

מיר האָבען אויספיהרליך זיך אָבגעשטעלט אויבען אויף דעם בונד'ס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם — די נאַציאָנאַל קולטורעלע אויטאָנאָמיע. מיר האָבען געוויזען, וויא אַזוי דער „בונד" איז גע־קומען צו דער פאָדערונג, זיך האַלטענדיג פעסט אָן די פּרינציפּען פון אמת'ע גלייכע רעכטע, גלייכע פרייהייטען פאַר אַלע מענשען און נאַ־ציאָנען. מיר האָבען געזעהן, אַז דאָס וואָס איז פאַר איינינע יאָהר געווען אַ רעוואָלוציאָנערע נייעס, איז היינט אָנגענומען געוואָרען אַלס גרונדלאַגע פאַר די פערענטפערונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין רוסלאַנד ביי אַלע פּאָרט־געשריטענע פּאַרטייען. אין דער דומא האָט זיך זאָגאַר געבילדעט אַ בעזונדערע גרופּע, פון אַו־טאָנאָמיסטען, אין וועלכע עס געהען אַריין פער־טרעטער פון אַלע אונטערדריקטע נאַציאָנען.

נאָך אַלעם דעם שטעלט זיך פּאָר, וויא דאַרף מען רופען אַ מענשען, וועלכער האָט די חוצפה צו בעהויפּטען אַז די פאָדערונגען פון „בונד" זיינען „העכסט רעאַקציאָנער." און טאָמער איז אייך נאָך דאָס ווייניג, געפינט איהר אין עטליכע שורות ארום אַזאַ סאָרט אויסדרוק: „דיעזע אויטאָנאָמיע פערלאַנגען איינינע נאַרי־שע אידען, וועלכע קענען ניט די אידישע געשיכטע."

און ווייסט איהר וואָס „דער קענער פון די אידישע געשיכטע" האָט אויסגעפונען ? ווייסט איהר פאַר וואָס די קולטורעלע אויטאָ־נאָמיא איז געפעהרליך ? ווייל עס וועט ווערען ביי אידען אַ „קהל".

אָט דאָס איז די גרויסע „געפאַהר" פון דער בעוועגונג, און פון דער „געפאַהר" וויל דר. פישבערג ראַטעווען די אידען. דער קענער פון דער „מיטעלאַלטערליכער געשיכטע" האָט ליי־דער פערשלאָפען די גאַנצע נייע און נייסטע געשיכטע, און ווייס אפילו דאס ניט אַז דער „שטריימעל" קען היינט ניט אָנסטראַשענען אפילו קיין פרומע בעל־בתישע גענז.

צום גליק דאַרף מען דר. פישבערג'ס אַר־גומענטען ניט זעהר טראַגיש נעהמען. ער איז בעצם נאָר אַ „אידישען גזלן" און גיט גלייך אַליין אַוועק די אידען אַלץ וואָס ער נעהמט ביי זיי צו. אָט האָט ער צ. ב. אייך אַנגעסטראַ־שעט אויף זייטע 85 מיט אַ „קהל", וואו רבנים ווילען פיהרען די גרענדע, קומט ער אויף זיי־טע 86 און צושלאָגט אַליין זיין גאַנצע סטראַ־שידלע. „מען מוז געדענקען — זאָגט ער — אַז היינטיגע אידען אין רוסלאַנד זיינען ניט מעהר אַ גלייכאַרטיגע מאַסע מענשען, וויא זיי זיינען געווען מיט אַ פאַר הונדערט יאָהר צוריק. דאַמאָלס זיינען אַלע געווען פרום. היינט האָבען מיר פערשיעדענע שאַטירונגען און גרופּירונגען" — אַלזאָ די געפאַהר פון „קהל" מיט שטריי־מעל אַלס זעלבסטהערשער איז אַראָפּ, און די קולטורעלע אויטאָנאָמיא איז בעצם געראַטעוועט. קיין אַנדערער ניט וויא דר. פישבערג האָט צו־שטערט זיין שרעקנס בילד.

ניט פיעל שרעקליכער איז די „געפאַהר" וואָס דר. פישבערג זעהט אין ציוניזמוס. יענע „געפאַהר" איז ביי איהם געדרוקט מיט גרעסע־רע בוכשטאַבען, כדי אַלע זאָלען איהר דערזעהן. זיא בעשטעהט אין דעם וואָס אידישע נאַציאָ־נאַליסטען (ציוניסטען בלע"ז) „בעשולדיגען די אידען דאָס זיי זיינען פרעמדע אין אייראָפּאַ". און אויב דער אידישער נאַציאָנאַליזמוס וועט פערברייטעט ווערען צווישען די מאַסען (צווי־שען וועלכע ? צווישען די קריסטליכע מן הסתם) קען מען ערוואַרטען אַז אין אַ גיכער צייט, וועט מען בעהאַנדלען די אידען גראָ־דע (?) וויא מען בעהאַנדעלט יעצט די נע־גערס" !

אָט דאָס איז די וויכטיגסטע „געפאַהר" „פון די אידישע נאַציאָנאַליסטישע בעוועגונג". ניט אמת? ביי היינטיגע צייטען איז אַזאַ אַר־גומענט אַזוי „אָריגינעל" וויא אָריגינעל עס וואָלט געווען היינט צו בענוצען ניט קיין שווע־

בעלאַך, נאָר קרעמען צו מאַכען פייער. פון דעם אַלטען, פערשימעלטען קליין־בירגערליך אַסימע־לאַטאָרישען ארכיוו האָט דר. פישבערג ארויס־געשלעפּט דוקא דעם נאַרישסטען, דעם אויבער־פלעכליכסטען, דעם לעבערליך־אונאָנשטענדיגס־טען ארגומענט: דיא מורא פאר דאָס וואָס אַנ־דערע וועלען זאָגען וועגען אונז.

אויך דעם מאָל איז דר. פישבערג זיך מרחם און צושלאָגט אַליין זיין שרעקענס־בילד. ער דערמאָנט אונז אָן רומעניען אלס בעווייז, אַז דאָרט האַלט מען אידען פאר פרעמדע, און ער פערשטעהט זאָגאר ניט אז דערמיט האָט ער זיין גאַנצע טהעאָריע צוקלאַפּט. ער האָט זיך דאָך אַליין געקאָנט פרעגען: סטייטש דאַמאָלס איז דיא אידישע נאַציאָנאַליסטישע געפאהר דאָך ניט געווען גרויס, און דאָך האָבען דיא רומעניער אַנטיסעמיטען געפונען אַליין אַ תירוץ פאר זיך. איז דאָך אַ ראיה אַז דיא אַנטיסעמי־טען נויטיגען זיך ניט אין בעווייזע. ער דער־מאָנט אונז אָן דיא נעגער און פערגעסט זיך ווידער אַליין צו פרעגען: טאַקע צו האָט מען פּיעלייכט דיא נעגער פערשקלאַפּט, ווייל זיי האָבען ניט געוואָלט זיך האַלטען פאר שפּאַנישע גראַנדען?

וויא איהר זעהט איז אפילו פון דר. פיש־בערגס „סטריקט וויסענשאַפטליכען שטאַנד־פּונקט" דיא „געפאהר" פון דער אידישער נאַ־ציאָנאַליסטישער בעוועגונג ניט מעהר וויא אַ שרעקענס בילד פון זעהר אַ צורייצטער פאַנ־טאַזיע פון אַ מענשען, וועמען עס פעהלט אַבי־סעלע פערשטענדניס, אביסעלע קענטניסע און אביסעלע ערנסטקייט.

איצט ווען מיר האָבען זיך ארומגעזעהען אַז דיא „געפאהר" „פאר דיא אידען פון דער גאַנצער וועלט" איז גאָר ניט אַזוי גרויס און בפרט נאָך, אַז דר. פישבערג האָט דאָך, יעדענ־פאַלס, אונז אַלעמען געראַטעוועט פון דיא „געפאהר", קענען מיר רוהיגער וואַרפען אַ בליק אויך אויף זיין „סטריקט וויסענשאַפטליכע" בע־ווייזע געגען יענע „געפעהרליכע" טהעאָריען.

דיא אידישע נאַציאָנאַליסטישע „בעווע־גונג", וועלכע ער רופט ראַסען־פראַגע (ראַסען־פראַגע — אַ בעוועגונג?) בעהאַנדעלט ער צו־ערשט. זעלבסט פערשטענדליך, אַז דר. פיש־בערג געפינט, אַז „דיא אידען וואָס האָבען אויפ־געבליהט פון עקאָנאָמישען און סאָציאַלען שטאַנדפּונקט" (אַ שפּראַך!) זיינען פון סטריקט וויסענשאַפטליכען שטאַנדפּונקט ניט קיין ריי־נע, ניט קיין בעזונדערע ראַסע. איז דאָך שלעכט? איז אָבער דר. פישבערג זיך ווידער מרחם און איז אונז מודיע, אַז באמת איז דיא גאַנצע „וויסענשאַפט" וועגען ראַסען נור אַ האָמבאָג, ווארום: „דיא פראַנצויזען בעווייזען" אַז דיא דייטשען זיינען גאָר ניט קיין גערמאַנען און די איירישע בעשולדיגען דיא אַנגלאָ־סאַק־סאָנס, אַלס שלעכטע גרויזאַמע ראַסע." פון אונזער זייט קענען מיר דיא לעצטע מיינונג דר. פישבערג'ס בעשטעטיגען מיט אַ מיינונג פון נאָך איינעם אַ „סטריקט וויסענשאַפטליכען מאַן" פון „איינעם פון דיא גרעסטע שפּראַכפאָרשער און עטהנאָלאָגען פון פאָריגען יאָהר הונדערט (וויא פריעדריך הערץ כאַראַקטעריזירט איהם), פון פריעדריך מילער, וועלכער דריקט זיך אויס קורץ: „ראַסע איז שווינדעל."

„ראַסע איז בכלל אַ שווינדעל," יעדענ־פאַלס, נאָך אַלע „וויסענשאַפטליכע בעווייזע," וועט אפילו דער סטריקט וויסענשאַפטליכער דר. פישבערג מוזען מודה זיין, אַז אַזאַ „ריינע ראַסע, וויא וועלכע עס איז ראַסע אָדער פאָלק, אָדער נאַציאָן אין אייראָפּאַ און אַמע־ריקאַ איז אויך דיא אידישע „ראַסע." אָבער די אַלע „וויסענשאַפטליכע בעווייזע, אַז אידען אָדער דייטשען, אָדער איירישע, אָדער שוויי־צער, אָדער וועלכע עס איז נאַציאָן אין דער וועלט איז ניט קיין ריינע, ניט קיין בעזונדערע ראַסע קענען ניט אויף אַ האָאר שטערען זיי־ערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, קענען ניט אויף אַ האָאר אראָפּציהען דיא וואָגשאָל אין קאַמפּף פון אַ פאָלק פאר זיין גלייכבערעכטיגונג. דאָס ווייס־וויא עס ווייזט אויס אפילו דער „סטריקט וויסענשאַפטליכער" דר. פישבערג. און נור דורך זיין הייסע ליעבע צו דער וויסענשאַפט קען מען ערקלעהרען פאר וואָס ער האָט אַליין דיא ראַ־סענפראַגע ניט אראָפּגעוואָרפען פון דעם וואָג־שאָל פון דער אידישער נאַציאָנאַליסטישער בעוועגונג.

זיינען דיא אידען כאָטש אַ פאָלק אָדער אַ נאַציאָן? „דער וויסענשאַפטליכער שטאַנד־פּונקט" וועגען דיא פראַגען איז נאָך דעם עדות פון דר. פישבערג ארויסגעזאָגט געוואָרען אין „סטענדערד דיקשאָנערי" און היות וויא דיא אידען פאַסען ניט צו „דעם בעסטען בעגריפס־בעשטימונג" פון יענעם ווערטערבוך, לכן האָט דער „סטריקט וויסענשאַפטליכער מאַן" בע־שלאָסען, אַז מחה אויסמעקען, תמחה זאָלסטו אויסמעקען את זכר די עראינערונג פון אידען אַלס פאָלק אָדער נאַציאָן, מתחת פון אונטער השמים, דעם הימעל.

ביי אַ געוועהנליכען מענשען דאַרף דיא „וויסענשאַפטליכע בעגריפס־בעשטימונג" דינ־נען צו ערקלערען דיא פאַקטען, און אויב דיא פאַקטען שטימען ניט מיט דער „בעגריפס־בע־

שטימונג" אפילו ניט מיט דער בעסטער בעשטימונג פון „סטענדערד דיקשאַנערי," דאן לערנט מען דעם פשט, אז מען דאַרף דעם בעגריף אַביסאָלוט אַנדערש „בעשטימען." אָבער דר. פישבערג איז אזוי פאַרקאַכט אין זיין „סטריקט וויסענשאַפטליכען שטאַנדפונקט," אַז ער וועט בעסער מקריב זיין דאָס גאַנצע אידישע פאָלק און נאָך אַ סך אַנדערע פעלקער, אַבי דיא „וויסענשאַפטליכע" תורה פון „סטענדערד דיקשיאָנערי" זאָל בלייבען אמת.

דאָך דער לעזער דאַרף זיך וויעדער ניט שטאַרק דערשרעקען. דר. פישבערג וויל אפילו ניט האָבען, אַז אידען זיינען אַ נאַציאָן אָדער אַ פאָלק, דאָך „דאָס איז — טרייסט ער אונז — אמת מיט דיא אידען אין פרייע לענדער. ווען מיר רעדען אָבער וועגען דיא אידען אין האַלב אָריענטאַלישע און באַרבאַרישע לענדער שטעהט דיא זאַך אַביסעל אַנדערש." דאָרט „זיינען זיי אַ אייגענע נאַציאָן" (!!) אַלזאָ דיא אידען פון רוסלאַנד האָבען דאָך אייגענשאַפטען פון אַ בעזונדערע נאַציאָן, נאָך דער עדות פון דר. פישבערג בכבודו ובעצמו. דערביי מאַכט אפילו דר. פישבערג אַן אָריגינעלע „סטריקט וויסענשאַפטליכע ענטדעקונג" אַז דיא נאַציאָנאַלע אייגענשאַפטען זיינען נור רעליגיעזע. דאָס וואָלט אונז אָבער וועניג אַרען. נור עס איז דאָ אַנאַנדער צרה, דר. פישבערג — ערקלעהרט אונז (פון וואַנען ער נעהמט עס ווייס דיא וויסענשאַפט אפילו אויך ניט), אַז אידען ווילען עס גאָר ניט, אידען טהוען אַלעס מעגליכעס אָראָפּצו־וואַרפען דיא נאַציאָנאַלע אייגענשאַפטען". — דאָס דערצעהלט ער אונז אויף זייטע 22. און אויף זייטע 36. געהט ער נאָך ווייטער און דערצעהלט אונז מיט פעט־געדרוקטע בוכשטאַבען, אַז „אידען האָבען אין פערלויף פון די לעצטע צוויי טויזענד יאָהר אימער געוואָלט ווערען אַ טהייל פון דיא נאַציאָנען צווישען וועלכע זיי לעבען. זיי אַנערקענען אינסטינקטיוו, אַז זיי זיינען ניט קיין נאַציאָן."

אַ טראַגישע, „וויסענשאַפטליכע" מיישענינע! אידען זיינען ניט קיין נאַציאָן — אידען זיינען יאַ אַ נאַציאָן, נור אַ רעליגיעזע נאַציאָן. אידען זיינען ניט קיין נאַציאָן. — אידען האָבען 2000 יאָהר געוואָלט ווערען אויס נאַציאָן. אידען זיינען ניט קיין נאַציאָן — קומט דיא נאַציאָנאַליסטישע בעוועגונג (פון וואַנען נעהמט זיא זיך, דאָס אינטערעסירט דעם „סטריקט וויסענשאַפטליכען" דר. פישבערג ניט) און ברייננט „דיא געפאַהר פאַר אידען פון דער גאַנצער וועלט," אַז אידען זאָלען ווערען אַ נאַציאָן.

דער „וויסענשאַפטליכער" חד־גדיה ענדיגט אָבער צום גליק מיט: ואתה און עס איז געקומען "דער סטריקט וויסענשאַפטליכער" דר. פישבערג און „האָט בעשלאָסען צו שרייבען דיא פאָלגענדע בראָשורע....

דיא אידען אין דיא פרייע לענדער זיינען ניט קיין נאַציאָן, ניט קיין פאָלק, ניט קיין ראַסע. זיי זיינען כשר'ה אייראָפּייער. דאָס איז דר. פישבערג'ס פונדאַמענטאַלסטער געדאַנקען. און דאָך... דר. פישבערג בלייבט אויך דאָ דער אַלטער „גוטער" בעל־רחמים וואָס ערבאַרעמט זיך אויף זיין ניט־פאָלק ישראל און ער ענטדעקט מיט אַ מאָל, אַז ביי דיא אידען אין יענע „פרייע לענדער" ענטוויקעלט זיך דיא אידישע בעפעלקערונג אַנדערש, וויא דיא ארומיגע בעפעלקערונג: דיא קריסטען פערמעהרען זיך און דיא אידען שטאַרבען אויס. און אַלס איינע פון דיא אורזאַכען ווייזט ער אָן דיא קליינע צאָהל געבורטען." איז דאָך ווייטער אַ קשיה: וויא באַלד אַז אזוי האָבען אידען עפּעס דאָך אַנדערע בעזונדערהייטען וויא דיא ארומיגע נאַציאָנען פון וועלכע זיי זיינען נור טהיילען? אַלזאָ ווייזט דאָך אויס, אַז אידען זיינען עפּעס אין וואָס אַנדערש, וויא דיא ארומיגע פעלקער אפילו אין דיא פרייע לענדער? תיקו, בלייבט אַ קשיה!

דר. פישבערג האָט אויך אַנדערע „בעווייזע" פון „סטריקט וויסענשאַפטליכען שטאַנד־פונקט", אַז אידען זיינען ניט קיין פאָלק און ניט קיין נאַציאָן. ערשטענס דיא שפּראַך, אידען האָבען געענדערט דיא שפּראַך? ובכן? פרעגט איהר — דערפאַר טאָרען דיא 5½ פון דיא 6 מיליאָן אידען, וועמעס מוטער שפּראַך עס איז זשאַרגאָן ניט חלום'ען וועגען אידיישע שולען, וועגען אידיש אין דיא געריכטען, אין די פּאָסט־אָפיסען א. ד. ג. וויא דר. פישבערג וויל האָבען? אַז אידען ריידען זשאַרגאָן דאָס קען מען דאָך ניט אָבלייקענען, אָבער דר. פישבערג איז בגזרת „סטריקט וויסענשאַפטליכען שטאַנד־פונקט" גוזר, אַז זשאַרגאָן איז קיין שפּראַך ניט, און דערפאַר איז „רעאַקציאָנער" אזא פאָדערונג.

נאָך אַ וויכטיגער פונקט איז דיא נעמען. דיא אידען גיבען זיך נעמען (הויפּטזעכליך פאַמיליען־נעמען) זיך צופּאַסענדיג צו די ארומיגע פעלקער ובכן? פרעגט איהר ווייטער — טאָרען זיי זיך ניט פיהלען אַלס נאַציאָן? דר. פישבערג אַליין בעהויפּטעט דאָך, אַז „אונזער אידישע געשיכטע איז איינע פון דיא עלטעסטע און גלאָררייכסטע אין דער וועלט." צו איז דאָס ניט אַ וויכטיגער אייניגענדער נאַציאָנאַלער

פאַקטאָר איידער דיא נעמען וועלכע צוליעב פּראַקטישע צוועקען ווערען צוגעפּאַסט צו דיא ארומיגע פעלקער?

מיר האָבען איבערגעגעבען דיא וויכטיגסטע פּונקטען פון דר. פישבערג'ס „טהעאָרעטישער" אונטערזוכונג און מיר רעכענען אז עס איז פאַר דיא לעזער מעהר וויא גענוג צו בעקומען א בעגריף וועגען דר. פישבערג'ס „געפאַהר". מיר וועלען נור פאַרצייכענען נאָך אייניגע פון זיינע „אָריגינעלע" וויסענשאַפטליכע ענטדעקונגען.

דר. פישבערג האָט „ענטדעקט," אז דיא נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון בונד איז אָנגענומען געוואָרען אויף זיין „לעצטען" צוזאַמענפאָהר (זייטע 7) ניט חלילה מיט עטליכע יאָהר פריהער.

אויף זייטע 16 ענטדעקט ער, אז, דער מאָדערנער וויסענשאַפטליכער, אנטיסעמיטיזמוס איז דער רעזולטאַט פון דער ראַסען-דיסקוסיאָן. און ניט חלילה פאַרקעהרט: דיא אַנטיסעמיטען האָבען גאָר ניט געזוכט זיך צוצוזוקענען צו וועלכע עס איז א טהעאָריע. דער אַנטיסעמיטיזמוס האָט נאָך דר. פישבערג ניט קיין טרעפערע וואָרצלען, וויא אין א „וויסענשאַפטליכע" דיסקוסיאָן.

אויף דערזעלבער זייט ענטדעקט ער ווייטער, דאָס „זאָגאר דיא סאָציאַליסטען אין אייראָפּא זיינען יעצט פאַרבלענדעט מיט דער ראַסענפראגע, יעצט זאָגען דיא דייטשע סאָציאַליסטען אויך, אז דיא דייטשען זיינען מיוחסים און זיינען ניט צופריעדען מיט דיא פראַנצויזישע סאָציאַליסטען."

דר. פישבערג וועט קיין פאַראיבעל ניט האָבען, ווען מיר וועלען איהם זאָגען, אז דאָס איז א לייכטזיניגע פערליימדונג — וועלכע דייטשע סאָציאַליסטען זיינען אונצופריעדען מיט דיא פראַנצויזישע? אפשר בערנשטיין מיט זשאָרעס'ן, אָדער בעבעל מיט געד'ן, אָדער קויטסקי מיט לאַפאַרג'ען? אויב איהר האָט געהערט פיעלייכט אז זשאָרעס און בעבעל האָבען אויפ'ן אַמסטערדאַמער קאָנגרעס אביסעל שאַרף גערעדט, הייסט נאָך ניט, אז איהר דאַרפט סתם אין דער וועלט אריין אינסינואירען.

אויף זייטע 20 פרעגט דר. פישבערג: מיט התלהבות: „ווער ווייסט עס ניט דאָס אלע וואָס גלויבען ניט אין פּראַוואָסלאַוויע ווערען אין רוסלאַנד גערופען „אינאָראַדצי", פרעמדגעבוירענע"? — קיינער ווייס עס ניט דר. פישבערג, אפילו ניט דער רוסישער „סטענדערד דירעקשיאָנערי," אפילו ניט דער ווערטער-בוך פון קייזערליכער אקאַדעמיע. ער ווייס, אז עס זיינען פאַרהאַנדען אינאָווערצי, — וואָס גלויבען ניט אין דיא הערשענדע רעליגיאָן און אינאָראַדצי — וואָס געהערען צו אַנאַנדער שבט." אָט דיא קליינינקייט ווייזט וויא ערנסט און טיעף דר. פישבערג געהט ביי זיין „סטריקט וויסענשאַפטליכער ארבייט."

* * *

וועגען דר. פישבערג'ס וויסענשאַפט האָבען מיר שוין גענוג גערעדט. מיר ווילען נאָך זאָגען א פּאָאר ווערטער וועגען דר. פישבערג'ס טאָן. ער בעט אין זיין פאָררעדע דיא קריטיקער אז „זיי זאָלען טהון זייער בעסטעס צו שרייבען און זעלבען טאָן מיט וועלכער ער שרייבט."

אין וועלכען טאָן שרייבט דר. פישבערג? א פּאָאר ביישפּיעלע. אז דיא בונדיסטען וועלכע זיינען אויף זייטע 7, „דיא בעסטע, דיא פּאָרגעשריטענסטע און דיא לאָגישעסטע עלעמענטען פון דיא אידען אין רוסלאַנד" ווערען אויף זייטע 83 נארישע אידען, וועלכע קענען ניט דיא אידישע געשיכטע" און אין דער חברותא געפינען זיי זיך מיט דיא סאָציאַליסטען טעריטאָריאַליסטען, דאָס ווייסען דיא לעזער שוין. דיא פיהרער פון ציוניזמוס ווערען פערמסרט, אז זיי „פּאַראומרייניגען (אזוי שרייבט דער „אבימילאַטאָר" דר. פישבערג!) דיא אידישע ראַסע דערמיט, וואָס זיי הייראַטהען קריסטליכע פרויען" דאָס ווערט געטהון אויף זייטע 17 און אויף זייטע 31 חזרט דר. פישבערג איבער דיזעלבע „חכמה" ד. ה. דיעזעלבע מסירה, צו ריידען וועגען א אידישע נאַציאָן איז נאָך דר. פישבערג „אונזינבאַר."......

דאָך גענוג. דר. פישבערג'ס העכסט פּאַטריטישער צוועק, דער וועלען ראַטעווען „דיא אידען פון דער גאַנצער וועלט" איז אזוי איידעל, אזוי ערהאַבען, אז מען קען איהם דערפאַר מוחל זיין אלץ: זיין אלטמאָדישקייט, זיין אויבערפלעכליכקייט, זיינע וויסענשאַפטליכע זייפענבלאָזען, און אפילו זיינע „אונזינבארע" שטראָפרייד. אומזיסט האָט דר. פישבערג מורא פאַר דעם טיטעל „עוכר ישראל, אנטיסעמיט א. ד. ג.". אויב דיא „געפאהר" האָט איהם דער כתר תורה, דיא קרוין פון א וויסענשאַפטס-מאַן ניט פערשאַפען, קען ער דאָך מיט גרויס רעכט פּרעטענדירען אויף דיא כתר כהונה, אויף דיא קרוין פון אן אידישען פּאַטריאָט, ווארום עס ליעגט א שטיק מאַרטירערטהום אין דעם וועלען זיך מקריב זיין, כדי צו ראַטעווען א ניט ראַסע, א ניט נאַציאָן, א ניט פאָלק ישראל. דר. ק. פאַרנבערג.

קריטיק.

מ. זאמעטקין'ס „א רוסישער שיילאָק." *)

מ. זאמעטקינ'ס ענגלישע דראמא „א רו־סישער שיילאָק" וועט זיין זעהר א גרויסער חידוש פאר די פיעלע טויזענדער אידישע עמי־גראנטען, וועלכע האָבען יאהרען לאנג געקענט געג. זאמעטקין'ען אלס א שטרענג סאָציאל־דע־קראטישען אגיטאטאָר און שרייבער, וועלכער האָט ניט ארויסגעצייגט קיין שום אינטערעס פאר אידישקייט און דאָס אידישע פאָלק. נאָר אָט קומט דער „רוסישער שיילאָק" און — זעה נאָר — דיא דראמא איז פול מיט אידישע שמערצען, פול מיט דער טראגעדיע פון דעם אידישען פאָלק. זיא איז באלעבט פון א הויכען עדעלען בליק אויף דיא אידישע אידעאלען און טראדיציעס און איז זעהר א וואַ־רימע פארטהיידיגונג פון דעם אידישען כאראק־טער.

מען דארף אָבער ניט מיינען, אז מ. זא־מעטקין איז ענטציקט פאר דיא אלטע גלות־אידישקייט, דיא אידישקייט פון אונטערטהעניג־קייט און שקלאפישער געדולד. ער איז אויך ניט ענטציקט פאר דעם „שטיקעלע פארמעט" צו־ליעב וועלכען דוד פינסקי'ס ר' משה איז זיך מקריב על קידוש השם. מ. זאמעטקינ'ס העלד, סאָלאָמאָן איסאאקאָוויטש הערצ־פארב, איז א שיילאָק. ער איז פול מיט שטאָלץ אויף דעם אידישען פאָלק, אויף זיין מיסיאָן — צו לערנען דיא פעלקער דיא העכסטע מאָראל — אויף דעם אידישען פערשטאנד און גייסטיגע קראפט. ער איז אויך פול מיט ביטערקייט און פעראכטונג געגען דיא ניט־אידען פאר זייער אכזריות, צבועצטוואָ, פייגהייט און קאָפּלאָזיגקייט. אזוי וויא ביי שיילאָק'ן אזוי האָט זיך ביי הערצ־פארב'ן אנגעקליעבען א סך גאל געגען דיא קריס־טען, וועלכע שפייען אויף'ן אידען טרעטען איהם מיט דיא פיס, דאָך שטייט זיי אָן צו קומען צו דעם אידען נאָך דוקאטען. אזוי וויא שיילאָק אזוי איז הערצפארב פול מיט נקמה געגען דיא קריסטען, און דיא נקמה וויל ער נעהמען דורך זיין געלד. ער וועט ביי טויזענדער קריסטען צונעהמען זייער ברויט, זיי מעגען פאר זיינע אויגען אויסגעהען פאר הונ־גער און דאָך וועט זיך ביי איהם צו זיי ניט דער־וועקען קיין פונק רחמנות. אָבער הערצפארב איז א מאָדערנער שיילאָק. זיין נקמה איז א נקמה פון קאמפף, א מיטעל דורך וועלכען דיא אידען דארפען וועיזען, אז זיי פיהלען דיא קלעפּ וואָס דיא קריסטען גיבען זיי, דורך וועלכען זיי זאָלען ארויסווייזען זייער ווידערשטאנד צום קריסטליכען דרוק, און אפשר צווינגען דיא קריסטען צו בעהאנדלען דיא אידען אויף אַן אנדער מין אופן. דיא אומשטענדען פון דער־האנדלונג פון דער דראמא לאָזען ניט טראכטען פון קיין סאמאאבאראָנע, אזא וויא דיא בונדיס־טען און דיא ציוניסטען האָבען אנגעפיהרט. אונטער אנדערע אומשטענדען אָבער וואָלט הערצפארב געשטאנען אין דיא פאָדערסטע רייהען פון דער אידישער זעלבסט־פער־טהיידיגונג. דיא דראמא בעקומט א סאָציא־ליסטישע פארבונג אויך אין אנאנדער הינזיכט. דיא לייזונג פון דער דראמא, און צו־זאמען מיט איהר אויך פון דער אידישער פרא־גע, איז א סאָציאליסטישער. צום סוף פון דער דראמא ווערט הערצפארב איבערצייגט, אז ניט אלע רוסען האָבען פיינד דעם אידען און וועלען זיך געהרען טרינקען אין זיין בלוט. עס זיינען אויך דאָ רוסישע רעוואָלוציאָנערען. דיא רעוואָ־לוציאָן וועט פערברידערען איד און קריסט.

און ניט בלויז איז הערצפארב אליין א מאָ־דערנער שיילאָק, דיא גאנצע דראמא איז א מין מאָדערנער „קויפמאן פון ווענעדיג." זאמעט־קין'ס שיילאָק האָט אויך א יעססיקא, זיין טאָכ־טער ראָזאליע. אָבער זיא אנטלויפט ניט פון איהר פאָטער גאָר אָהן א קרעבץ וויא שעקס־פיר'ס שעהנע ליאלקע טוהט עס, זיא ליעבט איהר פאָטער, פארשטעהט איהם און פיהלט מיט איהם צוזאמען דיא טראגעדיע פון דעם אידישען פאָלק, און אויב זיא קומט צו דיא קריסטען, איז דאָס נאָר אום צו קעמפּפען מיט זיי צוזאמען און מאכען א סוף סאי צו אידישע און סאי צו קריסט־ליכע צרות. דיא דראמא האָט אויך א פאָרשא, דיא רוסין נאטאליא אסיפאָוונא, וועלכע בעזיעגט שיילאָק'ען, אָבער ניט דורך א אדוואָקאטסקער ביטערער דריידעל, וויא אין יענעם ווענעדיגער געריכט, נאָר דורך אנווייזען איהם אז עס איז דאָ א העכערער, אן עדעלערער וועג וויא צו קעמפּפען געגען אידישע צרות, עדעלער פון דעם וועג פון נקמה. און דאָס איז דער וועג פון רעוואָלוציאָן. דער ניהיליזמוס פון דעה

*) A Russian Sheylok, by M· Zametkin published by the auth r, N. Y. Price 25 c.

דראמא איז אָבער אזוי ווייט פאררוקט אין דעםהינטער־גרונד און הערצפארב'ס נייע איבערצייגונג קומט צו איהם אזוי שפּעט און אויף אזא געצוואונגענעם אופן, אז זיא האָט ניט קיין קראפט צו איבערצייגען דעם לעזער און אָבשוואכען אין איהם דיא שיילאָקשע ביטערקייט און דעם שטאָלצען אידישען זעלבסט־בעוואוסטזיין, וועלכע קלייבען זיך אין פערלויף פון דער דראמא אזוי שטארק אָן אין דעם לעזער'ס הארצען.

אלס א דראמא איז „א רוסישער שיילאָק" אביסעל לאַנגווייליג, איבערהויפט דער ערסטער אקט אין וועלכען עס איז כמעט גאָר קיין האנדלונג ניטאָ. ער איז בלויז אָנגעפילט מיט פּאָרבערייטונגען פאר דיא שפּעטערדיגע פּאסירונגען, און דיא שפּעטערדיגע פּאסירונגען זיינען אויך גאַנץ מאָגערע סצענען, צוזאמענשטויסונגען זיינען דאָ פאראן איינִיגע זעהר שטארקע, איבערהויפט איז אין דעם רייך דער דריטער אקט. דיא דינגענעם צווישען הערצפארב און זיין פריינד פּנחס אבראמאָוויטש מילמאן, צוליעב דעם „פונט פלייש," ד. ה. וועגען דעם צי מען זאָל געריכטליך פערפאָלגען דעם קריסטליכען שארלאטאן וועלכער האָט מילמאנען בע'גנב'עט — דיא דינגענים איז העכסט דראמאטיש און וואָלט ארויסגעקומען זעהר שטארק אויף דער ביהנע. דיא סצענע אין דעם זעלבען אקט ווען הערצפארב טרייבט ארויס דעם אלטען דיענער איוואן איוואנאָוויטש בלויז דערפאר וואָס ער איז א קריסט, וויא אויך דיא סצענע אין דעם פערטען אקט ווען איוואן איוואנאָוויטש קומט זיך זעגענען, זיינען ווירקליך הארצרייסענד.

דיא צייכנונג פון דיא פערזאָנען פון דער דראמא איז אין אלגעמיין ווייניג געלונגען. עס פעהלט אין זיי אי אריגינאליטעט אי קראפט. קיין צווייפעל, אז הערצפארב איז א זעהר אינטערעסאנטער, זאָגאר אריגינעלער איד. ער איז אָבער מעהר א מענש פון געדאנקען איידער א מענש פון פלייש און בלוט. זיין פריינד מילמאן איז אָבער א גאַנץ געזונטער, גאַנץ קלאָהרער בילד פון א גוטען אידישען סוחר. אויך אין פּסיכאָלאָגישע מאָמענטען איז דיא דראמא ניט זעהר רייך.

„א רוסישער שיילאָק" איז דער עיקר א דראמא פון געדאנקען, פון טיעפען נאכדענקען וועגען דער אידישער פראגע, פון טיעפע ליידען צוליעב דער טראגעדיע פון דעם אידישען פאָלק, פון טיעפע גריבלערייִ אין דעם אידישען כאראקטער, אין דער אידישער מאָראל. דאָס איז דיא אידישע פראגע גוט איבערגעטראכט און שמערצליך דורכגעפיהלט אין מוח און אין הארצען פון א אידישען רעוואָלוציאָנער וועלכער טראָגט נאָך אין זיין נשמה דיא טראדיציאָנען פון דעם ניהיליזמוס. און אלס אזא דארף „א רוסישער שיילאָק" געלעזען ווערען פון יעדען אידען, און איבערהויפט פון יעדען אידישען רעוואָלוציאָנער.

דיא ענגליש פון דער דראמא קלינגט ווען־ניט־ווען, איבערהויפט אין דיא ביהנען־אנצווייגען, אביסעל אויסלענדיש. אויך דיא וואָרטשפּיעלען וועלכע מ. זאמעטקין, חלום'ענדיג פיעלייכט פון א צווייטען „קויפמאן פון ווענעדיג," בריהט דורך דורך דער דראמא קומען גאַנץ אָפט ארויס געמאטערט. מייסטענטהיילס אָבער איז דיא שפּראך גאַנץ קרעפטיג, רייך און זאפטיג.

„א אידישער שיילאָק" איז, וויא ווייט מיר איז בעקאנט, איינע פון דיא אינטערעסאנטעסטע, וויכטיגסטע בעללעטריסטישע ווערק וואָס זיינען געשריבען געוואָרען אין ענגליש פון אידישע עמיגראנטען אין אמעריקא.

י. ע.

„דיא צייט פון פערשאנד." א צייט־שריפט פאר'ן פרייען געדאנק און מענשליכער (!?) פּאָרטשריט. ערשיינט מאָנאטליך. ליעדס, מערץ 1906. נומער 1 פּרייז אין אמעריקא 5 סענט.

„מחשבה טובה מצטרפת למעשה" — א גוטער געדאנק ווערט פערערבענט פאר א גוטע טהאט. דיא ארויסגעבער פון דער נייער צייט־שריפט — א פעראיין פון פריידיינקער, פון געגנער פון רעליגיאָן און איהר איינפלוס אויף דיא מאסען, האָבען געוויס געהאט א גוטען מיין ביי דער ארויסגאבע פון „דער צייט פון פערשטאנד". דער קאמפּף געגען דעם פארדומענדען איינפלוס פון דער רעליגיאָן און געגען דעם פערדאָרבענעם איינפלוס פון רעליגיעזען פאנאטיזמוס איז אלע מאָהל א דבר בעתו. אזא קאמפּף איז געוואָרען א נויטווענדיגקייט אין דער לעצטער צייט, ווען דיא רעאקציאָן האָט צוליעב פערשיעדענע אורזאכען, וועגען וועלכע ניט דאָ איז דער פּלאַץ צו ריידען, אויפגעהויבען דיא קאָפּ אויף דער אידישער גאס. דיא יום כפור פּאָגראָמען, דיא גרינדונג פון אזוינע חברות, וויא שומרי שבת, וועלכע פארמעסטען זיך צו צווינגען דיא אידישע בעפעלקערונג אָבצוהיטען „דעם הייליגען שבת" האָבען געוויזען אז עס איז עת־לעשות. מען דארף זיך ווידער נעהמען פאר דיא וואפען געגען אי־

דישען רעליגיעזען פאנאטיזמוס און רעאקציאן.

מיר בעגריסען אלזא זעהר ווארם דיא ער־שיינונג פון אזא צייטשריפט „פארן פרייען גע־דאנקען." מיר שטימען איין מיט דיא ארויסגע־בער, דאס אזא „פאקעל טרעגער דארף געפינען א ווארעמע אויפנאהמע פון (ביי?) אלע אמת־רעכטדיינקענדע מענשען".

מיר קענען אבער צו אונזער גרעסטען בע־דויערן ניט געפינען אז דער „פאקעל" זאל לייכ־טען זעהר העלל און אז זיין ליכט זאל קענען פערשפרייט ווערען זעהר ווייט. ניט דער אינ־האלט און נאך וויינינגער דיא פארם זיינען מסוגל דערצו.

דער אינהאלט פון ערשטען נומער בע־שטעהט פון 4 „אריגינעלע" ארטיקלען, צוויי אי־בערזעצונגען, נאטיצען און א געדיכט. עס איז זעלבסטפערשטענדליך אז דיא בעסטע זאכען זיי־נען דיא איבערזעצטע (פון אינגערסאל און פון „טרוטה־סיקער"), סיי אין אינהאלט, סיי נאך דער שפראך (כאטש אויך דא קען מען געפינען אזוינע אידישע־אידיש וויא „אינטולעקטועלער אונשולד", כאטש אויך דארט „גיבען ערצעהלונ־גען, וועלכע פערשאפען א אויסגעצייכענטע אב־האנדלונג פאר א פיעסע". אבער פון דיא אינטע־רעסאנטע, גוט און ווארם געשריעבענע ארטיק־לען זיינען געגעבן געווארען נור קליינע טהע־לעפעלעך.

דיא אריגינעלע ארטיקלען האבען קיי־נע פון דיא מעלות ניט: זיי זיינען שווער געשרי־בען אין א שפראך, וועלכע איז עפטער אזוי ווייט פון זשארגאן, וויא זשארגאן איז ווייט פון האך־דייטש. דער אינהאלט איז רייך אין ווערטער און פערפלאנטערטע זעצע, אבער ארעם אין גע־דאנקען, צ. ב. „נעהמענדיג אין אנבעטראכט", הייבט זיך אן דער ערשטער זאץ פון ערשטען ארטיקעל, וועלכער האט דעם צוועק אנצופייערן דיא לעזער צום קאמפף און דער ערשטער זאץ ציהט זיך אוועק אויף א האלבע זייט. אוי־סער דיא לאנגע פערפלאנטערטע, צודרעהטע זע־צע געפינט איהר משונה'דיגע ווערטער, זאגאר משונה'דיגע ספעלינג. „זוויגאר", „גיוועזן", „פאהל", „ברוטאלסטע געוואלט ווערט אויסגע־איבט פון מענשען צו מענשען", „דיא געשיכטע איז אבסאלוט געריכט". „מיר באגעגנען אין אונ־זער טעגליכען לעבען דורך וועלכע איהרע אנ־היינגער צייגען ארויס", א. ז. וו.

אין אזא סארט לשון געהט עס ווייטער. מיר וואלטען שוין מוחל געווען דיא אויסערליכע פעהלערן, ווען מיר וואלטען בעמערקט אינערלי־כע מעלות: קלאהרע געדאנקען, פיעל פאקטען, איבערצייגענדע ארגומענטען. מען קען דיא רע־ליגיאן אויף דריי וועגן בעקעמפפען. ערשטענס פילאזאפיש, בעווייזענדיג אז זיא איז געגען שכל און וויסענשאפט; צווייטענס, געשיכטליך: מען ווייזט ווי אזוי רעליגיאנען זיינען ענטשטא־נען, אונטער וועלכע אומשטענדען זיי האבען זיך ענטוויקעלט, און וויא אזוי דיא „הייליגסטע" מצות זיינען ענטוועדער ארויסגערופען צוליעב געוויסע בעדירפניסע און אינטערעסן פון געוויסע גרופען מענשען, אדער זיינען גאר איבערגעגאנ־גען בירושה פון אלטע געצענדיענער. דיא היס־טארישע קריטיק פון תנ"ך איז איינע פון דיא וויכטיגע וואפען געגען דיא אידישע רעליגיאן. מען קען דריטענס קעמפפען אויפן אגיטאטארי־שען ארט. מען בעווייזט וויא פיעל שאדען דיא רעליגיאן און דער רעליגיעזער פאנאטיזמוס ברייננגען.

א צייטשריפט, וואס ווערט איצט ארויסגע־געבען פארן קאמפף מיט דער רעליגיאן טאר ניט פערלאזען קיין איינציגע פון דיא 3 וועגען, זיא מוז יעדענפאלס ענטהאלטען אבשפיגלונגען פון דיא נייעסטע וויסענשאפטליכע פארשונגען. „דיא צייט פון פערשטאנד", וואס וויל „בעלייכ־טען מיטן פאקעל פון אויפקלעהרונג", מוז „זיין בעגלייט ניט נור מיטן (פון?) געזונדען מענשען־פערשטאנד און בעקרוינט מיט א אידעאל פון וויסען", זאנדערן זיא מוז זיין אויך בעציערט פון וויסען, פון פאקטען, פון וויסענשאפטליכע פאר־שונגען און זיך ניט בעגניגען מיט „ווארעמע" אויפרופען און איינפאכע בעלי הבית'ישע אר־גומענטען.

ליידער טהוט עס „די צייט פון פערשטאנד" אין ערשטען נומער ניט און מען זעהט זאגאר ניט אז דיא הערויסגעבער זאלען האבען א קלאהרען בעגריף, וועלכע מעטהאדען אנצו־ווענדען אין זייער קאמפף געגען רעליגיאן.

מיר האבען זיך אזוי לאנג אבגעשטעלט אויף דיא פעהלערן פון ערשטען העפט פון דער נייער צייטשריפט ניט אויס פיינדשאפט, נור אויס פריינדשאפט. מיר האלטען אזא צייטשריפט פאר זעהר א ניצליכע, זעהר א וויכטיגע זאך און מיר וואלטען וועלען אז שוין גלייך אין דיא נעקסטע נומערן זאלען דיא פעהלערן פארמיעדען ווערען. ווייל דער קאמפף מיט דער רעליגיאן איז געווארען ווידער אזא נויטהווענדיגקייט, דוקא דערפאר מוז עס געפיהרט ווערן אויפן ריכטיגען אופן און פון דיא פאסענדע מענשען, מיט דיא בעסטע וואפען.

כל התחלות קשות — און אזוי וויא מיר האבען דערווייל נור דעם ערשטען נומער פון דער נייער צייטשריפט, ווילען מיר האפען אז דיא ווייטערדיגע נומערן וועלען זיין פיעל בעסער, אז דיא „מוטהיגע מאטראזען" פון „דיא צייט פון פערשטאנד" וועלען ווערען אויך געאיבטע מאטראזען.

ק. פ.

ניעמאנסקי, דיא פאריזער קאמונע, אויסגאבע פון „בונד“ זשענעווא, אקטאבער 1905. 122 זייטען, פרייז 12 סענט.

א בעלעהרענדע, פלייסיגע, ערנסטע ארבייט איז ניעמאנסקי׳ס „פאריזער קאמונע“. דער פערפאסער דערצעהלט ניט נור דיא גאנצע געשיכטע פון דער מערקווירדיגער טראגעדיע פון פאריזער פראלעטאריאט, וועמעס אנדיינקען דיא אינטערנאציאנאלע סאציאל דעמאקראטיע פייערט יעדען יאהר, דעם 18טען מערץ. ער בעגניגט זיך אויך ניט מיט דיא שילדערונג פון דעם פארשפיעל און טרויעריגען נאכשפיעל פון דער טראגעדיע. ער האט זיין אויפגאבע טיעפער און ברייטער פערשטאנען; ער זוכט צו ערקלעהרען און בעלייכטען אלע אורזאכען און אומשטענדען, וועלכע האבען געפיהרט דעם פאריזער פראלעטאריאט צו דעם פערצווייפעלטען טריט און וועלכע האבען געמאכט איהר בלוטיגען אונטערגאנג פאר א היסטארישע נויטהווענדיגקייט.

די דריי ערשטע קאפיטלאך גיבען א קלאהרען בילד פון פראנקרייך׳ס פאליטישען און סאציאלען צושטאנד ערב דער קאמונע און א גענויע בעקאנטשאפט מיט דיא פערשיעדענע ריכטונגען און גרופירונגען צווישען דיא פראנצויזישע סאציאליסטען, דיא גייסטיגע שעפפער פון דער פאריזער קאמונע.

אויך שפעטער, ווען ער דער פערפאסער דערגעהט שוין צו דער פאריזער דראמא גופא, בעגניגט ער זיך ניט מיט איהר אליין. ער בעמיהט זיך צו אונטערזוכען דיא אלע פאקטארען, וואס האבען געהאט א איינפלוס אויף דעם גאנג פון דיא פאסירונגען אין פאריז און וועלכע ווירקונג דיא פאריזער געשעהעניסען האבען געהאט אויף דיא איבריגע פראנקרייך.

אין דיא 122 זייטען איז צוזאמענגעקליבען א אונגעהייערע מאסע פון בעלעהרענדע, אינטערעסאנטע פאקטען. איבערלעזענדיג דיא בראשורע, קען מען בעקומען א גענויע בעקאנטשאפט מיט דער פאריזער קאמונע און א גוטען בעגריף וועגען איינעם פון דיא אינטערעסאנטעסטע עפאכען אין דער פראנצויזישער געשיכטע.

מען קען אויך ניט זאגען, אז דער פערפאסער שרייבט שלעכט, שווער. פערקעהרט, רוהיג, קאלט, געלאסען, שטריינג צו דער זאך, פיהרט ער דעם לעזער און בעלערענט איהם.

אבער דארט וואו עס ליעגט דיא שטארקייט פון דעם ווערק, ליעגט אויך זיין שוואכקייט. דער פערפאסער שרייבט שוין צו זאכליך, צו ניכטערן. פון א היסטארישע ווערק ווערט געפאדערט נאך אנדערע סארטען מעלות; דיא קונסט צו זיין לעבעדיג, זאגאר שפאנענד, דעם טאלאנט צו קענען מאהלען בילדער, אין קורצע שטריכען צו געבן געשטאלטען. פון דאס אלץ איז ביים פערפאסער קיין זכר ניטא. דיא געשטאלטען געהן ארויס בלייך, דיא דראמאטישע סצענען אין וועלכע דיא פאריזער קאמונע איז אזוי רייך, בלאס. דיא ערצעהלונג ציהט זיך איבערהויפט אביסעל לאנגווייליג.

עס איז דא נאך איין אומשטאנד, וואס שטערט זעהר דעם ווערק. עס פיהלט זיך, אז ענטוועדער דיינקט דער פערפאסער אין א פרעמדער שפראך — אין רוסיש — און איבערזעצט אליין זיינע געדאנקען — איבערזעצט טריי, אדער דאס האט געטהאן אן אנדער טרייער איבערזעצער. דער רעזולטאט איז אז דער סטיל און דער גאנצער כאראקטער פון שרייבען זיינען ניט קיין אידישע. עפעס „הילצערנע עברי“, עפעס משונה׳דיגע אנווענדונגען בעגעגענט איהר אויף יעדען טריט.

עס איז איינפאך א פערדרוס צו זעהען וויא אזוי א גוטע בעלעהרענדע, אינטערעסאנטע ווערק ווערט געשטערט פון אזא זייטיגען חסרון, און דער פערדרוס ווערט נאך גרעסער, ווען מען דערמאנט זיך אז דאס ווערק איז ארויסגעגעבען פון „בונד,“ ענדע 1905.

עס איז שוין גענוג צייט געווען זיך אויסצולערנען צו שרייבען אידיש, און זאגאר צו טראכטען ביי׳ם שרייבען אידיש, עס איז שוין לאנג צייט געווען אז אויך הקול זאל ווערען קול יעקב!

בן הלל.

עס בעצאהלט זיך

צו אדווערטייזען אין „צ ו ק ו נ פ ט“

איינער פון דיא פיעלע בריעף וועלכער איבערצייגט, אז איין אדווערטייז־מענט אין „צוקונפט“, ברייננט דיא בעסטע רעזולטאטען.

D. SIRELSON
Sign Painter 31 Rivington St., N. Y.

ניו יארק, דזשולייַ 2טען 1906.

„צוקונפט“ פרעסס פעדערײשאן.
179 איסט בראדוויי, ניו יארק.

ווערטהע הערען:

ערלויבט מיר אויסדריקען מיין אנערקענונג צו אייער ווערטפאלען זשורנאל דיא „צוקונפט“ אלס דעם בעסטען פלאטץ פיר אדווערטייזען.

איך שיק אייך דא א לעטער (איהר קענט איהם איבערדרוקען אויב איהר וועט געפינען פאר נויטהיג) וועלכען איך האב ערהאלטען פון פאול גאלדמאן פון מארלינגטאן וועסט ווירדזשיניא וועלכער צייגט וויא דורך איין אדווערטייזמענט אין אייער זשורנאל דיא „צוקונפט“ האב איך געמאכט איין ארדער פיר סיינס פאר איבער 65 דאלאר.

אין אלגעמיין האב איך צוגעקראגען פאר קאסטימערס פיעלע ארגאניזאציאנען, פריוואט לייטע און געשעפטס לייטע דורך דעם אדווערטייזמענט אין אייער זשורנאל.

איך רעכען עס ניט מעהר אלס מיין פפליכט אויסדריקען מיין צופריעדענהייט און אנערקענונג דאס מיין אדווערטייזמענט אין „צוקונפט“ האט מיר געבראכט זעהר גוטע רעזולטאטען.

אייער ערגעבנסטער,
ד. סירעלסאן.

PAUL GOLDEN

Dealer in General Merchandise, Furniture and Flour. Clothing and Shoes Specialties.

Marlinton, W. Va., June 2, 1906.

Mr. D. Sirelson,
31 Rivington St., New York.

Dear Sir: I have seen your ad. in the Zukunft, I would like to have some signs made of red awning cloth, also I would like to have some pictures on some white oil cloth signs. If you are prepared for this kind of work please advise, also state your price per foot, letter or for job; if you have any illustrations of your work, please mail same to me; hoping to hear from you.

Truly yours,
Paul Golden.

מיר דרוקען דא איבער דעם לעטער פון מר. גאלדמאן פון „ארלינגטאן“, וועסט ווירדזשיניא, אויפמערקזאם צו מאכען דיא ביזנעס לייט וויא איין אדווערטייזמענט אין „צוקונפט“ ברייננט דיא געווינשטע רעזולטאטען.

מר. גאלדמאן פון „ארלינגטאן“ וועסט ווירדזשיניא האט געלעזען אין „צוקונפט“ דעם אדווערטייזמענט פון מר. סירעלסאן וועגען סיינס, האט איהם אנגעפרעגט דיא פערשידענע איינצעלהייטען און פרייזען און דער רעזולטאט איז, אז מר. סירעלסאן האט געמאכט איין ארדער פון ניו־יארק נאך וועסט ווירדזשיניא פאר איבער 65 דאלאר דורך דעם אדווערטייזמענט אין „צוקונפט“.

דאס איבערצייגט אין דיא ריכטיגקייט פון אונזער בעהויפטונג אז איין אדווערטייזמענט אין „צוקונפט“ ברייננט דיא בעסטע רעזולטאטען.

אדווערטייזערס וועלכע ווילען מען זאל פון זיי וויסען וועלען געפינען דיא „צוקונפט“ אלס דעם בעסטען פערמיטלער.

דיא לעזער פון „צוקונפט“ זיינען ניט נור לעזער זאנדערן אויך פריינדע און סימפאטייזער פון „צוקונפט“ און זיי פאטראניזירען דיא אדווערטייזער, וועלכע אדווערטייזען אין זייער זשורנאל דיא „צוקונפט“.

די צוקונפט

No. 9 SEPTEMBER 1906. Vol. X

ארגאניזאציאן און דיסציפלין

פון הענריעטע ראלאנד־האלסט.

דיא מאכט פון היינטיגען שטאאט איז פיעל גרעסער פון די מאכט פון פראלעטאריאט, אן אלע מאטעריעללע הילפס־מיטלען, סיי פאליטישע, סיי ווירטשאפטליכע. אזוי ווייניג וויא דער פראלעטאריאט קען גובר זיין דעם שטאאט, עקאנאמיש, ד. ה. אויסהונגערענדיג איהם, אזוי ווייניג קען ער איהם גובר זיין מיט געוואלט.

מיט איין זאך בלויז איז דער פראלעטאריאט שוין לכתחלה שטארקער פאר דעם הערשענדען קלאסס — מיט זיין צאהל. דיא זעלבסטשטענדיגע ארגאניזאציאן פון פראלעטאריאט שטרעבט דערצו, סיסטעמאטיש אויסצונוצען דיא צאהל אין דעם קלאססענקאמפף.

דיא ארגאניזיציאן פון פראלעטאריאט איז אבער א גאנץ אנדערע זאך איידער דיא ארגאניזאציאן פון שטאאט. דער אונטערשיעד באשטעהט אין דעם וואס דיא פראלעטארישע ארגאניזאציאן איז א פרייוויליגע, וועהרענד דיא צווייטע איז א געצוואונגענע. דיא מאכט פון דער ארגאניזאציאן פון שטאאט האלט זיך אויף איהרע מאטעריעלע געוואלטמיטלען, דיא מאכט פון דער פאליטישער ארגאניזאציאן וועמען דיא מאטעריעלע געוואלט מיטלען פעהלען, קען צוברעכען דיא מאטעריעלע שטארקייט פון שטאאט נור דורך מאראלישע שטארקייט.

דיא גרונדלאגע פון דיא הערשער בעשטעהט נאך קויטסקי, ניט אזוי פיעל אין איהרע פיזישע כוחות וויא אין דעם וואס זיא איז גוט ארגאנירט; אויך ביי ארגאניזאציאנען פון דעם זעלבען טיפ — וויא צ. ב. ביי צוויי ארמייען פון גלייכע צאהלען סאלדאטען און ביי גלייכער בעוואפנונג, איז דיא יעניגע ארמיי שטארקער, וועלכע ווייזט אויף בעסערע ארגאניזאטארישע פייהיגקייטען. אבער פיעל וויכטיגער איז נאך דער אונטערשיעד ביי ארגאניזאציאנען פון פערשיעדענע טיפען, וויא, למשל, ביי דיא שטאאטליכע געצוואונגענע און דיא פרייוויליגע פראלעטארישע ארגאניזאציאנען.

דיא מאדערנע צענטראליזירטע ארגאניזאציאן פון שטאאט, וועלכע שטיצט זיך אויף איהר ביוראקראטיע און מיליטער, בעזיטצט אפילו גרעסערע הערשאפטס־מיטלען, וויא אירגענד וועלכע פון די פריהערדיגע הערשאפטס־מעכטע. אבער אין איין וויכטיגען פונקט שטעהט זיא אפ פון דיא ארגאניזאציאנען פון פעדעראלען און אבסאלוטיסטישען שטאאט. יענע איז געוועזען דיא ארגאניזאציאן פון הערשענדען קלאסס גופא. מיליטער, פערוואלטונג און יוסטיץ, זיינען געווען אין איהרע הענד. אבער אין בורזשואזנעם קאפיטאליסטישען שטאאט רעגיערען ניט דיא הערשענדע קלאססען אליין, ווייל זיי האבען זיך אין גאנצען אבגעגעבען צו האבען וואס מעהר געניגס און צו זאמלען וואס מעהר עשירות. דער בורזשואזנער שטאאט איז דערפאר גיכער אן ארגאניזאציאן וואס דיענט דעם בורזשואזנעם הערשענדען קלאס, איידער אן ארגאניזאציאן פון דעם בירגערליכען קלאס אליין. דיא עלעמענ־

טען, פון וועלכע דער בורזשואַזנער קלאַס באַשטעהט, זיינען ניט די זעלבע, וועלכע הערשען איבערן שטאַאַט. זיי, וואָס פיהרען דעם שטאַאַט, זיינען געקויפט פון די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסען אום צו היטען זייערע אינטערעסען. זיי געהען דיענען דעם שטאַאַט אָהן אַ שום נייגונג; די ביוראָקראַטען געהען דיענען דעם שטאַאַט, ווייל עס איז פאַר זיי אַ גוטע מלאכה, די סאָלדאַטען, ווייל מען צווינגט זיי. און די אַלע, וואָס דיענען דעם שטאַאַט, זיינען ווייט ניט אַלע זיינע פריינד. פאַרקעהרט: צווישען זיי זיינען פאַראַן אַ סך אונצופריעדענע, אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטען, וועלכע קריעגען שלעכט בעצאָהלט און ליידען נאָר דערביי אַ היבשען פּעקעל צרות פון די שלעכטע בעהאַנדלונגען, בעליידיגונגען א. ז. וו. אויף דיעזע קען זיך דער שטאַאַט געוויס ניט פערלאָזען אין אַ עת־צרה. אין מאָמענט, ווען די שיף פון שטאַאַט הויבט אָן זינקען, וואָלטען זיי זיין די ערסטע צו מאַכען פּליטה און אָנצושליעסען זיך צו די נייע שטאַרקערע מאַכט.

גאַנץ אַנדערש איז ביי דער פּראָלעטאַרישען אָרגאַניזאַציאָן. אין איהר זיינען דאָ בלויז מענשען אין אַ גלייכער לאַגע, מיט גלייכע לעבענס־אינטערעסען און גלייכע ציעלען. זיי טרעטען אַריין אין די אָרגאַניזאַציאָן פרייוויליג, וויססענדיג, אַז זיי דאַרפען איהר. איהר שטאַרקייט ליעגט אין די בעגייסטערונג און איבערגעבענהייט פון די מאַססען און זייער ליעבע. קיין אַנדער שטיצע האָט זיא און דערפאַר טאָקי קען מען איהר ניט צושטערען. מען קען פערניכטען איהר פאָרם, אָבער מען קען ניט אַוועקנעהמען פון די מאַססען די איינהייטליכקייט פון זייער ווילען און דעם בעוואוסטזיין, אַז זיי געהערען איינע צו די אַנדערע.

אַן אָרגאַניזאַציאָן וואָס האַלט זיך אויף צוואַנג — קודם־כל די מיליטערישע — פאַלט גלייך פאַרנאַנדער, וויא באַלד איהר פאָרם איז צושטערט. כל זמן אַ געשלאָגענע אַרמיי האָט נאָך ניט פערלאָרען דעם צוזאַמענהאַנג קען זיא נאָך וועניגסטענס צוריקציהען זיך אין אָרדנונג, וויא נאָר אָבער זיא פערליערט איהר אָרגאַניזאַציאָן, פערשווינדעט גלייך די דיסציפּלין און פון ריקצוג ווערט אַ ווילדע לויפענעס. די פּראָלעטאַרישע מאַסען פערשטעהען אָבער צו קעמפּפען אויך דאַן, ווען די פאָרם פון זייער אָרגאַניזאַציאָן איז פערניכטעט.

די פרייוויליגע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציאָן בעשאַפט איהרע אייגענע פיהרער. זיא קלייבט אויס פון זיך די יעניגע, וועלכע קענען פערשטעהען און אויסדריקען אַם קלאָהרסטען איהרע געפיהלען, לעבענסאינטערעסען און ציעלען. אַזעלכע מענשען שאַפט די אָרגאַניזאַציאָן אָהן אַן אויפהער אַזוי, אַז קיין פיהרער פעהלט איהר קיינמאָל ניט. פאַלט איין פיהרער, קומען אויף זיין אָרט אַנדערע. אין אַ צוואַנג־אָרגאַניזאַציאָן אָבער, איז יענער דער פיהרער, ווער עס קען אַם בעסטען בעפעהלען און הערשען און ווער עס פערשטעהט וויא אויסצונוצען די מאַססען פאַר פרעמדע צוועקען. דער שיקזאַל פון די אָרגאַניזאַציאָן הייננגט אָב פון די פערזענליכע פייהיגקייטען פון די פיהרער. אַן אויטאָקראַטישער שטאַאַט מוז האָבען פאַר זיין מיליטער אַ גרויסען גענעראַל און פאַר זיין ביוראָקראַטישע אָרגאַניזאַציאָן אַ גוטען, שטאַרקען מיניסטער. ווען זיי פאַללען, הויבט אָן אַלעס זיך צו שאָקלען, עס הויבט זיך אָן אַ צייט פון דיסאָרגאַניזאַציאָן און אונזיכערהייט.

די גאַנצע קראַפט און דער זעלבסט־געפיהל פון דעם היינטיגען פּראָלעטאַריער, קומט אַרויס פון דער אָרגאַניזאַציאָן און האַלט זיך אויף דער אָרגאַניזאַציאָן. די אָרגאַניזאַציאָן גיט דעם פּראָלעטאַריער דאָס, וואָס דעם פעאָדאַל־אַדעליגען האָבען געגעבען זיינע וואַפען; דאָס, וואָס דעם בורזשואַ גיט זיין געלט: דעם כוח און די פייהיגקייט ביי־צו־שטעהן געגען זיינע שונאים, שטאָלצקייט און ווירדע. ניט קיין אָרגאַניזירטער אַרבייטער איז די שוואַכסטע בעשעפעניס אויף דער וועלט. ער האָט מורא פאַר יעדער סטראַשונאָק. דער געפיהל, אַז ער איז אַזוי אָבהייננגיג פון זיינע בעלי־בתים, רויבט פון איהם אַוועק יעדען מאָראַלישע פעסטקייט און מאַכט איהם פייג און שקלאַוויש.

די אָרגאַניזאַציאָן זאָרגט ניט נאָר אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך ערציהען אַליין פאַר דעם קלאַססען־קאַמפף, זאָנדערן זיא מאַכט איהם אויך פעהיג צום גאַנצען געזעלשאַפטליכען לעבען. אין דער אָרגאַניזאַציאָן לערנט ער וויא צו רעגירען איבער זיך זעלבסט. אין דער אָרגאַניזאַציאָן לערנט זיך יעדער אויס צו פאַרבויגען זיינע קליינע, צופעליגע אינטערעסען צוליעב די אינטערעסען פון כלל, פון וועלכען ער איז בלויז אַ טהייל. ער לערנט זיך צו אָפּפערען זיינע צופעליגע ציעלען, צוליעב דעם אַלגעמיינעם ציעל, צו וועלכען ער שטרעבט אויך. מיט איין וואָרט, ער לערנט דיסציפּלין.

די פּראָלעטאַרישע דיסציפּלין איז פּונקט דער הפוך פון די צוואַנג־דיסציפּלין פון די מיליטערישע אָרגאַניזאַציאָן. ביי דער מיליטערישען אָרגאַניזאַציאָן מוז דער ווילען פון דעם איינצעלנעם מענשען געבראָכען און אָבגעשוואַכט

וועריען. ביי דער פּראָלעטאַרישען אָרגאַניזאַציאָן אָבער, מוז דער וויללען פון דעם איינצעלנעם מענשען בלויז ערצויגען ווערען. וואָס שטאַרקער דער וויללען איז, וואָס טיעפער דאָס פאַרשטענדניס — אַלץ בעסער. דיא מיליטערישע דיסציפּלין סטאַרעט זיך ניט צו דערלאָזען, אַז דער וויללען פון דעם איינצעלנעם מענשען זאָל זיך אָנהויבען אַרויסווייזען, זיא סטאַרעט זיך, אַז דער איינצעלנער מענש זאָל ווערען אַ געצייג פאַר פרעמדע צוועקען און וויל ענטוויקלען אין איהם דיא געוואָהנהייט צו פאָלגען בלינד, וואָס מען בעפעהלט איהם, אַליין ניט וויסענדיג צוליעב וואָס און פאַר וואָס מען דאַרף עס.

דיא פּראָלעטאַרישע דיסציפּלין לערנט דעם איינצעלנעם מענשען, וויא צו פערבויגען דיא אַלע פערלאַנגען, וועלכע קענען שווערער מאַכען דיא דערגרייכונג פון דעם ציעל, צו וועלכען ער זעלבסט שטרעבט — טאַקע צוליעב דיעזען ציעל אַליין. זיא לערנט און געוואָהנט איהם איין, צו פאָלגען זיין אייגענעם פעסטען און פערנינפטיגען „איך“, וועלכער, געפינענדיג זיך צוזאַמען מיט גלייכגעזאָנענע קאַמעראַדען, ווערט אַלץ מעהר זעלבסטשטענדיג. זיא לערנט איהם אויך צו געפינען אין דער אויטאָריטעט פון דיא פיהרער, וועלכע זיינען פון איהם אַליין געוועהלט, אַ געגענגעוויכט געגען דיא פערלאַנגען און שוואַכקייטען פון זיין ניט פערנינפטיגען „איך“. דיא מיליטערישע דיסציפּלין, ערניעדריגט דעם מענשען, ווייל זיא בענוצט איהם צו פרעמדע צוועקען, וועלכע זיינען געגען זיינע אינטערעסען, געגען זיין יושר, פערשטאַנד און געגען זיין געוויסען. דיא פּראָלעטאַרישע דיסציפּלין אָבער, הויבט אויף דעם מענשען, ווייל זיא גיט איהם דיא מעגליכקייט בעסער צו דיענען דיא געמיינזאַמע אינטערעסען און צוועקען. דיא מיליטערישע דיסציפּלין טויטעט אין מענשען דעם געפיהל פון פעראַנטוואָרטליכקייט, דיא פרייווילליגע, פּראָלעטאַרישע דיסציפּלין קרעפטיגט דיעזען געפיהל.

דיא פרייוויליגע דיסציפּלין מאַכט מעגליך פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט צו פיהרען דעם קאַמפף מיט דעם געגנער, וועלכער איז שטאַרקער פאַר איהם אין געוואַלטמיטלען, און צו בלייבען רוהיג און פעסט אין דער געפאַהר וויא דער סאָלדאַט אין שלאַכט. זיא גיט דעם פיהרער דעם פערטרויען אין דיא מאַסען, און דער מאַסע—דעם צוטרויען צו דיא פיהרער. און יעדעם איינצעלנעם—דאָס צוטרויען צו זיינע חברים.

דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף דיא דיסציפּלין דיא שולונג און דיא איבונג ניט אַזוי פיעל צו קענען דעם קאַמפף אויפנעהמען, וויא צו קענען איהם פאָרטזעטצען און קודם כל, כדי זיך ניט צו לאָזען אָבנאַרען און איינשרעקען פון דיא געגנער. קאַמפּפלוסטיג איז דיא מאַסע, ווען זיא איז אויפגערעגט. אויך דער ניט געלערנטער און ניט אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַריאַט, איז צייטענווייז נאָך קאַמפּפלוסטיגער וויא דער געלערנטער און אָרגאַניזירטער, ווייל ער האָט וועניג וואָס צו פערליערען; ער איז אָבער פיעל וועניגער פייהיג צו אַ לענגערען, אנהאַלטענדען קאַמפף. דיא מאַססע פון אַן אונאָרגאַניזירטען פּראָלעטאַריאַט הייגט אָב דאַפון, אין וואָס פאַר אַ לוינע זיא געפינט זיך. איהר מוטה וויעגט זיך אַרויף און אַראָב, וויא דיא כוואַלעם אין ים.

היינט וואַרפט זיא זיך מיט דעם גרעסטען מוטה אויף אַ שטאַרקערען געגנער, מאָרגען לויפט זיא זיך פאַרנאַנדער פאַר אַן איינגעבילדעטע געפאַהר. זיא דערשרעקט זיך גלייך ביי יעדער סטראַשונעק. זיא לאָזט אַראָב דיא וואַפפען יעדער מאָל ווען מען זאָגט איהר צו עפּעס וואָס אנגענעהמעס, און קומט אַריין אין ווילדע אויפרעגונג יעדע מאָל, ווען מען רייצט איהר אויף.

אַנדערם איז אָבער מיט דעם דיסציפּלינירטען, געלערנטען און אָרגאַניזירטען פּראָלעטאַריאַט. דער אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַריאַט לאָזט זיך, נאַטירליך, אויך בעאיינפלוסען פון מורא און האָפנונג. אָבער ער לאָזט זיך ניט בעהערשען פון זיי. זאָנדערן זוכט צו הערשען איבער זיי, אויך בשעת ער איז אויפגערעגט פערליערט ער ניט זיינע בעזאָננענהייט. דיא ערפאַהרונג אין קאַמפף האָט איהם געלערנט, אַז מען דאַרף זיך ניט לאָזען פאַרפיהרען אַזוי ווייט דעם מוטה צו פערליערען און אויך ניט זיך צו צושרייבען נאָך מעהר וויא פיעל מען קען.

נאָר אַ געלערנטער פּראָלעטאַריאַט איז בכח בייצושטעהען אַלע נסיונות: דראָהונגען, פּראָוואָקאַציאָנען און זיסע פערשפּרעכונגען מיט פעסטען מוטה און ענטשלאָסענהייט.

אַ ניט געלערנטע און ניט דיסציפּלינירטע אַרבייטער מאַסע, וויא בעגייסטערט זיא זאָל ניט אויפנעהמען דעם קאַמפף, וועט אונטער שלעכטע פערהעלטניסע ניט קענען לאַנג אויסהאַלטען. אָדער זיא וועט זיך כאַפּען פאַר געוואַלט מיטלען. נאָר פאַרהאַרטעוועטע, געאיבטע קעמפּפער זיינען אין שטאַנד מיט קאַלטער פעראַכטונג צו קוקען אויף אַלע ברוטאַליטעט אין בעטרוג און פאָרטזעטצען רוהיג זייער קאַמפף אויך דאַן, ווען זיי זיינען בערויבט פון זייערע מיטלען און פון זייערע פיהרער. אמת, מען דאַרף אויך ניט פערגעסען, אַז זעהר פיעל העלפט דער רעוואָלוציאָנערער

קאמפף אליין צו ברייננגען ווייטער דיא דיסציפ־
לין און דיא שולונג פון פראלעטאריאט.

איין זאך איז דיא ארגאניזאציאן פון פראָ־
לעטאריאט. א גאנץ אנדער זאך איז דאס בע־
וואוסטזיין און דער גייסט, מיט וועלכע זיין
נשמה איז פול און וועלכע קענען בעאיינפלוסען
אויך דיא ניט ארגאניזירטע מאסען. אום דער
פראלעטאריאט זאל קענען אויפטאן גרויסע זא־
כען, מוז ער זיין ערפילט פון קלאהרען קלאסען־
בעוואוסטזיין, ד. ה. ער מוז זיין ערצויגען סאָ־
ציאל דעמאקראטיש. אין זיינע אנשויאונגען
און געוואהנהייטען דארף ער שטענדיג זיך רע־
כענען מיט דער מעגליכקייט, אז עס קען אנ־
קומען דער מאמענט פון דעם ענטשיידענדען
קאמפף און אז דאס קען זיין נור דיא
פרוכט פון א לאנגזאמע ענדערונג אין דיא פער־
העלטניסע פון דיא קלאסען. אין אזא פאל מוז
ער זיין פעסט ענטשלאסען אנצושטרייננגען אלע
זיינע כוחות געגען דיא מאכט־מיטעל פון דיא
הערשענדע קלאסען און ניט אבשרעקען זיך
פאר קיינע קרבנות, סיי אין פארמעגען סיי אין
בלוט.

אין זיינע אלטעגליכע קעמפפע און ארבייט
מוז ער שטענדיג האלטען פריש און לעבעדיג אין
זינען דעם בעוואוסטזיין פון זיין גרויסע קולטור־
מיסיאן און דעם פעסטען ווילען איבערצוקעה־
רען דיא היינטיגע געזעלשאפט.

נאר אזא דענקענדער און פיהלענדער פראָ־
לעטאריאט — א פראלעטאריאט וואס איז דורכ־
געדרונגען פון רעוואלוציאנערען גייסט — וועט
זיין בערייט אין דעם ענטשיידענדען מאמענט
ארויפצונעהמען אויף זיך דיא צרות און דיא ליי־
דען פון א מאססען־סטרייק און ניט מורא האבען
פאר קיין געפאהר. נאר אזא פראלעטאריאט איז
אין שטאנד אויפצוהויבען זיך דורך דיא בע־
גייסטערונג פון דער רעוואלוציאנערען כוואלע
העכער פאר דיא אלטעגליכע חקירות, פאר דיא
אלטעגליכע שרעקניסען.

אבער נור דיא סאציאל דעמאקראטיע
שטעלט דעם פראלעטאריאט פאר דיא אויגען
גרויסע ציעלען, ערהאבענע אידעאלען פאר וועל־
כע ער קען זיך בעגייסטערן.

איבערזעצט פון א. ק—ן.

איהר, דייטשע ארבייטער (געקענט שטע־
הען אויך: אידישע. רעד.) זייט מערקווירדיגע
מענשען!

פראנצויזישע און ענגלישע ארבייטער מוז
מען לערנען, וויא אזוי מען קען זיי ארויסהעלפען
פון זייער טרויעריגע לאגע. אייך אבער מוז מען
פריהער נאך בעווייזען, אז איהר געפינט זיך
גאר אין א טרויעריגער לאגע. כל־זמן איהר האט
נור א שטיק שלעכטע וואורסט און א גלאז ביער,
מערקט איהר גאר ניט אז אייך פעהלט עפעס.

דאס קומט פון אייער פארשאלטענעם ניט
האבען קיין בעדירפניסע.

סטאיטש, וועט איהר זאגען, ניט האבען
קיין בעדירפניסע איז דען ניט קיין גוטע מדה?
יא, פאר דיא רעליגיעזע מאראל פרעדיגער איז
עס א גוטע מדה, אבער דער היסטאריקער און
דער עקאנאמיסט וייסען פון אנדערע גוטע
מדות. פרעגט אלע עקאנאמיסטען: וואס איז
דער גרעסטער אונגליק פאר א פאלק? ווען עס
האט ניט קיין בעדירפניסע! ווארום דיא בע־
דירפניסע זיינען דער אימפעט וואס טרייבט א
פאלק צו ענטוויקלונג און קולטור.

פערדינאנד לאסאל.

אמת, דיא אומשטענדען ווירקען אויף דעם
מענשען, אבער דער מענש ווירקט אויך אויף די
אומשטענדען.

ווען מיר זאגען: דער מענש קען ניט ענ־
דערן דעם גאנג פון דער ענטוויקלונג, אזוי וויא
איהם ווילט זיך, הייסט עס ניט, אז ער דארף זיך
אוועקזעצען מיט דיא הענד אין שויס און רוהיג
ווארטען ביז „דיא ישועה וועט קומען פון אוי־
בען" און דיא „געבראטענע טויבען" פון דער
סאציאליסטישער געזעלשאפט וועלען איהם
אריינפליהען גלייך אין מויל אריין.

דיא צוקונפטיגע סאציאליסטישע ארדנונג
מוזען מיר ערארבערן דורך שווערע, פלייסיגע
ארבייט. און ווען מיר וועלען נור האבען צוברא־
כען דיא קייטען פון דער איצטיגער געזעל־
שאפטס־ארדנונג, וועלכע איז דיא געזעלשאפט
פון קלאסענהערשאפט; און ווען מיר וועלען
נור האבען א פרייע האנד צו בויען, דאן דארף'ן
מיר ניט פיעל זארגען וועגען דעם וויא איינצו־
ארדנען דיא נייע געזעלשאפט.

ווילהעלם ליבקנעכט

דיא סאָציאַלע שטרעמונגען אין דער מאָדערנער דראַמאַ.

פון דזשאָזעף איראָן.

דער סאָציאַלער אינהאַלט אין דער וועלט דראַמאַ.

פּראָפעסאָר לאַנקעסטער, דער פּרעזידענט פון דער „בריטיש אַסאָסיאיישאָן", האָט מיט איינינע וואָכען צוריק ערקלעהרט אין זיין רעפּאָרט איבער דעם פּאָרטשריט פון דער וויסענשאַפט אין דיא לעצטע 25 יאָהר, דאָס פּסיכאָלאָגיע איז נישט מעהר קיין וויסענשאַפט פון'ם איינצעלנעם, זאָנדערן פון דער געזעלשאַפט, דאָס דער געדאַנקען, דער ווילען און דיא מאָטיווען פון'ם איינצעלנעם קומען אַלע פון איין מקור, און דער מקור איז דיא געזעלשאַפט.

דיא דראַמאַ, וועלכע איז דיא קאָנצענטרירטעסטע אָבשפּיעלונג פון מענשענס לעבען און שטרעבען, פון זיין כאַראַקטער און פּערזענליכקייט, איז דער בעסטער מיטעל אויסצוגעפינען דיא וואַהרהייט פון דיעזע בעהויפּטונג. אין דער פאָרם, אינהאַלט און כאַראַקטער־בויאונג פון דער דראַמאַ איז מעגליך צו דערקאָנען דיא הויפּט טענדענצען און הויפּט שטרעמונגען פון דעם געזעלשאַפטס־לעבען.

אין קורצע שטריכען וויל איך אין דיעזען אַרטיקעל ווייזען, וויא דיא דראַמאַ איז אין דיא פערשיעדענע עפּאָכען פון איהר געשיכטע, אימער געוועזען אַ ברענ־גלאָז אויפצונעהמען אין זיך דיא שטראַהלען פון דעם גייסטיגען פייער פון דיא דאָזיגע עפּאָכען; און וויא דער דראַמאַטישער דיכטער איז נישט נור דער כּאהלער, וועלכער ווייזט אונז דעם פּנים, דיא אויסענווייניגסטע זייט פון זיין דור, זאָנדערן אויך דער נביא, וועלכער דריקט אויס דיא נשמה, דיא טיעפסטע האָפנונגען, שטרעבונגען, און אידעאַלען פון זיין דור.

אין דער גריכישער פּעריאָדע—דער ערשטער געוואַלדיגער פּעריאָדע פון דער וועלט־דראַמאַ—איז נאָך דער איינצעלנער געוועזען פערדונקעלט פון בירגער־פּאַטריאָטיזמוס און ליעבע צו דער שטאָדט, און נישט פּערזענליכע פרייהייט איז דאַן געוועזען דיא העכסטע טוגענד. דיא פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן פון גריכענלאַנד איז נאָך דאַן געוועזען צוגעפּאַסט צו אַ זאָרט פּרימיטיווען קאָמוניזמוס, ווען דער מענש האָט נאָך געלעבט ביחד מיט דער געמיינדע, ווען, — וויא קאַרל קויטסקי דריקט זיך אויס,—זיין פּערזענליכקייט האָט נאָך נישט אָבגעריסען דעם נאָפּעל, וואָס האָט איהר געהאַלטען צוזאַמענגעבונדען מיט דער געמיינדע. דאַמאָלס האָט דיא דראַמאַ נאָך נישט פאָרגעשטעלט קיין לעבעדיגע כאַראַקטערע, זאָנדערן אַלע מענשליכע סימבאָלען. דאָס זעלבסטבעוואוסטזיין, און דיא וויללענס־קראַפט פון'ם איינצעלנעם זיינען נאָך דאַן געוועזען אַ צו שוואַכע טהעמאַ פאַר דעם שטורם און דראַנג פון אַזעלכע זשעניען, וויא עסכילאָס, סאָפאָקלעס און עיוריפּידעס. דער איינצעלנער איז נאָך דאַמאָלס געוועזען אַ קליינער טהיילכעלע, אַ ברוךשטיק פון דער געזעלשאַפט, און ניט דיא געזעלשאַפט אַ צוזאַמענשטעלונג, אַ סך הכל פון זעלבסטשטענדיגע איינצעלנע.

דער כאָרוס, וועלכער איז געוועזען אַזאַ נויטיגער עלעמענט אין דער גריכישער טראַגעדיע, איז טאַקע אַ ירושה פון דעם גאָטטעסדיענסט פון דיאָניזוס, (באַקכוס) דעם גאָט פון וויין און לוסטיגקייט; אָבער דיא דאָזיגע אַנוועזענהייט פון כאָרוס איז שוין אַ בעווייז גענוג פון דעם סאָציאַלען טאָן און דיא שוואַכקייט פון'ם איינצעלנעם אין דער גריכישער דראַמאַ. דער בעגריף פון שיקזאַל (מזל) אויף וועלכען דיא גאַנצע גריכישע טראַגעדיע איז געבויט, צייגט אויך וויא וויים דיא גאַנצע פּסיכאָלאָגיע פון מענשען איז נאָך דאַן געוועזען אַבהענגיג פון דיא שטאָדט־קאָמונע, און פון דיא טראַדיציאָנען פון דער שטאָדט־קאָמונע.

דאַרום איז דיא טראַגעדיע פון דיא גריכען צוטהיילט אין טעטראַלאָגיעס און טרילאָגיעס, דאָס הייסט, זיא בעשטעהט געוועהנליך פון 4 אָדער 3 פּיעסען, ווייל דער ווילען, דיא ליידענשאַפט און דיא האַנדלונגען פון דעם איינצעלנעם

זיינען דאַמאָלס געוועזען פערבונדען און פערקניפּט און טאַקע אין גאַנצען אָבהענגיג פון דער גריכישער געזעלשאַפט און גריכישען קולט. און דאָס, צוזאַמען מיט דער קאָלאָסאַלער קראַפט, וועלכע שטעלט פאַר נישט דיא קראַפט פון דעם איינצעלנעם, זאָנדערן דיא גאַנצע קראַפט פון דער גריכישער געזעלשאַפט, צייגט דעם סאָציאַלען טאָן פון דער גריכישער דראַמאַ. גראַדע וויא דיא מיטאָלאָגיע, וועלכע פערקערפּערט דיא מענשליכע בעגריפע פון דיא נאַטור־קרעפטען און דיא עלעמענטאַרע מענשען־נאַטור, איז סאָציאַל אין איהר אורשפּרונג, אזוי איז דיא גריכישע דראַמאַ, וועלכע סימבאָליזירט דיא אַלמענשליכע קרעפטע, ליידענשאַפטען און שטרעבונגען, סאָציאַל אין איהר טאָן.

אָבער ווען דיא דראַמאַ האָט צום צווייטען מאָל אזוי הויך אָן פּרעכטיג, אויפגעבליהט אין אייראָפּאַ, אין דער פּעריאָדע פון שעקספּיער, קאַלדעראָן, און מאָליער, פיהלט מען שוין אַ נייעם גייסט, דעם גייסט פון שטאַרקען אינדיווידואַליזמוס אין לעבען און אין דער דראַמאַ. דער גאַנצער עקאָנאָמישער פונדאַמענט פון יענער צייט און דיא פּאָליטיק און געזעץ־איינריכטונגען וועלכע האָבען זיך צוגעפּאַסט צו יענעם פונדאַמענט, טראָגען שוין דעם כאַראַקטער פון קאַפּיטאַליסטישען פּריוואַט אייגענטהום. האַנדעל און דיא כוחר'שע מאָראַל זיינען שוין שטאַרק גענוג אום אָנצופאַנגען דיא בעוועגונג, וועלכע מיר רופען הייטע „אימפּעריאַליזמוס“. דיא דאַמאָלסדיגע קולטור־פעלקער פון אייראָפּאַ: שפּאַניען, פראַנקרייך און ענגלאַנד, קעמפּפען שוין זעהר העפטיג צווישען זיך אין אַמעריקאַ און אין זיד־אַזיען פאַר דעם קאָנטראָל פון אַ נייעם וועלט־מאַרק און כדי צו געפינען צו דערזעלבער צייט ערי־מקלט פאַר זייער איבערפליסיגע בעפעלקערונג, וועלכע קען נאָך חס ושלום ווערען אַ געפאַהר פיר דיא הערשענדע קלאַססע.

דער קולטור־מענש פאַנגט שוין דאַן אָן אַרום־צו־שמעקען נאָך פרייהייט: עקאָנאָמישע פרייהייט פאַר'ן מסחור, פּאָליטישע, מאָראַלע, און רעליגיאָנס־פרייהייט, וואָס זאָלען מעגליך מאַכען דיא ענטוויקלונג פון דעם איינצעלנעם, אונאַבהענגיג פון דער געזעלשאַפט. דיא פּראָטעסטאַנטישע רעפאָרמאַציאָן פון 16־טען יאהרהונדערט, און דיא צוויי ענגלישע רעוואָלוציאָנען פון 17־טען יאהר־הונדערט זיינען דער היסטאָרישער אויסדרוק פון דער בעפרייאונג פון דעם איינצעלנעם.

אָט דאָס אַלעס ווערט אָבגעשפּיגעלט אין דער דראַמאַ פון יענער צייט. דיא האַלב־געטער, דיא איבערמענשליכע העלדען, דיא אַלמענשליכע סימבאָלען פון דער גריכישער דראַמאַ, ווערען פערשוואונדען צוזאַמען מיט'ן כאָרוס, מיט דעם בעגריף וועגען שיקזאַל, מיט דעם געדאַנקען פון דער געזעלשאַפטליכער פערבינדונג פון'ם מענשען. אַ נייער בשר ודם, אַ פּערזענליכקייט, אַ כאַראַקטער, אַ איינצעלנער, טרעט אַרויף אויף דיא ביהנע. ער פיהלט זיך שוין נישט מעהר אַלס ברוכשטיק פון דער געזעלשאַפט. ער האָט שוין דערגרייכט דיא מאָראַלע און פּסיכאָלאָגישע בגרות. דיא ספּרונזשינעס פון זיין לעבען און קעמפּפען, אַלדעס גוטס און שלעכטס, אַלדאָס איידעלע און ניעדעריגע, אַלדעס שטאַרקע און שוואַכע אין איהם, זיינען זיינע אייגענע, פּערזענליכע, און נישט קיין געזעלשאַפטליכע, סאָציאַלע. אַזעלכע מענשען זיינען שעקספּירס „האַמלעט“, „מאַקבעט“, „אָטהעלא“; מאָליערס „גייציגער“, „מיזאַנטראָפּ“, און „טאַרטיוף“; קאַלדעראָנס „דער ריכטער פון צאַלאַמעאַ“ און „דער בעל מופת“. זיי געהערען נאָך אַלע לפנים צום פעאָדאַלען קלאַס, איבערהויפּט ביי שעקספּיער'ן; ווייל דער פעאָדאַלער קלאַס איז נאָך דאַן געווען לפנים דער הערשענדער קלאַס, אָבער זיי האָבען שוין איינגעצויגען אין זיך דיא זאַפט פון דעם פּראַקטישען אינדיווידואַליזמוס פון דער בורזשואַזיאַ, כאָטש דער אידעאַליזמוס פון דער בורזשואזיא, וועלכע איז דאַן געווען דער רעוואָלוציאָנערער קלאַס אין דער געזעלשאַפט, איז זיי נאָך אין גאַנצען פרעמד.

אין דעם 18־טען יאהר־הונדערט איז דיא אידעע פון בורזשואַזנעם אינדיווידואַליזמוס געוואָרען דער אייגענטהום פון דער גאַנצער ציוויליזירטער מענשהייט. דיא סקעפּטישע פילאָזאָפיע פון ענגלאַנד, דיא מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע פון פראַנקרייך, און דיא אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע פון דייטשלאַנד האָבען זיך אַלע אָפען ערקלעהרט פאַר דיא געוויסענס־פרייהייט פון דעם איינצעלנעם. דיא אַמעריקאַנישע און פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנען האָבען דער וועלט געגעבען אין דונער, בליטץ און שטורם, דיא נייע תורה פון בירגערליכער פרייהייט, פּאָליטישער גלייכהייט און פּאָליטישער ברידערליכקייט. דיא בורזשואַזיא האָט שוין דערגרייכט איהר העכסטע שטופע, און איהר אידעאַל (פון פּאָליטישער פרייהייט) איז געוואָרען דיא ירושה פון דער גאַנצער מענשהייט, אָבוואָהל זיא, דיא בורזשואזיא אַליין, וועט באַלד ווערען אָבגעשוואַכט, און וועט מוזען איבערגעבען דיא גרענדע, דיא פונקציאָן צו קעמפּפען, צו טראָגען נייע אידעאַלען, צו מאַכען נייע רעוואָלוציאָנען, און צו געבען דער מענשהייט אמת'ע פרייהייט און גלייכהייט (עקאָנאָמישע) און אמת'ע ברידערליכקייט, — צו אַ נייעם געזעלשאַפטס־קלאַסס, צו דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט.

אין דער אויפלעבונג פון דער דייטשער דראַמאַ פון יענער צייט, געפינען מיר דעם שעהנסטען אויסדרוק פון בורזשואַזנע אידעאַלען. דאָס איז געוועזען דיא אבצאָהלונג וואָס דיא דייטשען האָבען געצאָהלט צו דער בורזשואַזנער רעוואָלוציאָן. דיא כאַראַקטערען אין דיעזער דראַמאַ זיינען שוין דורך און דורך בורזשואַזנע, און דיא העלדען טראָגען שוין אין זייער מוח דעם גאַנצען זאַפט פון דער דאַמאָלסדיגער בורזשואַזנער אידעאָלאָגיע. עס איז אמת, אַז דיא כאַראַקטערען אין שילערס שעהן געבויטע פיעסען, האָבען נישט דיא לעבעדיגע געזיכטס־ציגע, געזיכטס־פאַרב און אויסדרוק וויא דיא כאַראַקטערען ביי שעקספיר'ן. אָבער דערפאַר איז זייער גאַנצע פסיכאָלאָגיע דורכגעוויקט אין דיא אידעען פון פרייהייט און גלייכהייט, און זייערע מאָטיוועז קומען אַרויס פון דעם קוואַל פון ריינסטען אידעאַליזמוס. לעססינג'ס אונשטערבליכער „נאטאַן דער וויזע" איז דיא עפיק (העלדענגעדיכט) פון'ם בורזשואַזנעם אינדיווידואַליזמוס. ער איז דיא אייביגע פערקערפערונג פון בורזשואַזנע טאָלעראַנץ, פרייהייט און גלייכהייט. און געטהעס „פאַוסט" איז דאָס ווערק וואָס ווייזט שוין אַלע שטריכען, אַלע סאָציאַלע טענדענצען פון זיין צייט. ער ריהרט שוין אָן ביידע פאָליוסן, דיא שתי הקצות פון אינדיווידואַליזמוס און פון סאָציאַליזמוס. פון דעם שמאָלסטען אינדיווידואַליזמוס, וועלכער קאָנצענטרירט אַלע מאָטיוועז אויף זיך זעלבסט און אַנערקענט ניט זאָגאַר דיא עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט אָדער פון געזעלשאַפטליכער פערבינדונגען, געהט „פאַוסט" דורך אין זיין ענטוויקלונג דיא אַלע שטופען, ביז ער דערגרייכט דיא וועלט פון אַ מין אוטאָפישען סאָציאַליזמוס. ער פיהלט דיא ברידערשאַפט פון'ם מענשען און ער געפינט צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען אמת'ע גליקזעליגקייט, ווען דיא מאָטיוועז פון זיין טהעטיגקייט ווערען געזעלשאַפטליך.

זיינע לעצטע ווערטער אין לעבען זיינען:

„און פיהלענדיג אַזאַ הויכען גליק,
געניס איך יעצט מיין שעהנסטען אויגענבליק."

ד. ה. זיין סאָציאַלע נוצליכקייט.

קאַרלייל האָט טאַקע רעכט געהאַט, ווען ער האָט געטהע'ן גערופען „דער נביא פון זיין צייט". דיא אַרט וויא אַזוי „פאָוסט" האָט זיך ענטוויקעלט, איז נישט נור דער בעסטער וועגווייזער פאַר די סאָציאַלע טענדענצען פון 18־טען און פון אָנפאַנג 19־טען יאהר־הונדערט, זאָנדערן אויך אַ רמז, אַן אָנדייטונג אויף דיא נייע דראַמאַ, דיא דראַמאַ פון אונזער אייגענעם דור, דיא דראַמאַ פון סאָציאַלע קעמפפע און סאָציאַלע מאָטיוועז.

ביים סוף פון'ם 19־טען יאהר־הונדערט האָט דיא דראַמאַ אָנגענומען אַ נייע פאָרם, נייע ריכטונג און נייע טענדענצען.

דיא פוסטקייט פון דעם בורזשואַזנעם אינדיווידואַליזמוס האָט זיך אין גאַנצען אַרויסגעוויזען. דיא גרויסע ענטוויקלונג פון דער פאַבריק סיסטעם, מיט דער משונה'דיגע קינדער־אַרבייט און קינדער־מאָרד; מיט איהר הונגערלוין און דריקענדע טאַריף־געזעצען, לאַנד־ספעקולאַציעס און בערזען־ספעקולאַציעס; מיט דיא שינדעריי פון אַרבייטער־קלאַס אויף איין זייט און דיא אונבעגרייפליכע אָנזאַמלונג פון ריעזען־קאַפּיטאַלען און גרינדונג פון טראָסט אויף דער אַנדערער זייט; אַ פּאָליטישע פרייהייט וואָס בעדייטעט אין אמת'ן לאָהן שקלאַפעריי; אַ רעפרעזענטאַנטען רעגיערונג וואָס רעפרעזענטירט דיא אינטערעסען פון קאַפּיטאַל; דיא נידעריגקייט און אכזריות פון דער קאַפּיטאַליסטישער שקלאַפענטרייבער־קלאַס, וועלכער צייגט בעזאָנדערס קלאָהר אַרויס זיין מאָראַלע פוסטקייט, צבוע'צטווא, און פאַלשקייט, דאַן, ווען ער פלאַפּעלט נאָך מיט זיינע טויטע ליפּען דעם אַלטען קאַמפּפס־רוף פון זיינע רעוואָלוציאָנערע זיידעס: „פרייהייט, גלייכהייט, און ברידערליכקייט"; דאָס אַלעס האָט אָבגעמעקט דעם אידעאַלען גלאַנץ פון קאַפּיטאַליסטישען אינדיווידואַליזמוס און האָט איהם געמאַכט בטל ומבוטל כעפרא דאַרעה.

דער וועלט־פּראָלעטאַריאַט, וויעדער, ווערט פון טאָג צו טאָג מעהר קלאַסענבעוואוסט. ער אָרגאַניזירט זיך עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, און מאַכט זיך פאַרטיג פאַר דעם לעצטען פורכטבאַרען קאַמפּף מיט דעם קאַפּיטאַליזמוס, אין וועלכען ער מוז דאָך, סוף כל סוף, זיין דער זיעגער, ווייל ער, און נישט דער קאַפּיטאַליזמוס, טראָגט יעצט דיא פאָהן פון אַ נייע פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט. און דיא מענשהייט איז מיט איהם.

דיא טענדענצען פון דיעזע צוויי קלאַסען מיט זייער קלאַסען־פסיכאָלאָגיע און קלאַססען מאָראַל, ווערען אָבגעשפּיעגעלט אין דער דראַמאַ פון אונזער אייגענער צייט.

אָבער גראַדע אַזוי וויא אין דער געזעלשאַפט זיינען פאַראַן טענדענצען וועלכע מען זעהט אויף דיא אויבערפלעכע פון לעבען, און אַזעלכע, וועלכע ליעגען טיעף פערבאָרגען און קענען גאָר נישט געזעהען ווערען, אַזוי זיינען אויך אין דער דראַמאַ פאַראַן שטרעמונגען, וועלכע דער אויפמערקזאַמער קריטיקער קען בעמערקען און אַנדערע, וועלכע זאָגאַר דער דראַמאַטיקער אַליין קען נישט זעהן. דיא מענשען־נאַטור איז אַ צוזאַמענפלעכטונג פון פערשיעדענע סאָציאַלע פעדים, און דיא פסיכאָלאָגיע איז גייס־

מעהר וויא דיא פערפלאָנטערונג פון דיא דאָזיגע פעדים. און עס איז אונמעגליך נאָכצוגעהן דיא אלע שטרעמונגען אין דער געזעלשאַפט. אייניגע פון דיא דייטליכסטע הויפּט שטרעמונגען אין דער היינטיגער דראַמאַ, וועלכע פאָלגען נאָך דיא שטרעמונגען אויף דער אויבערפלעכע פון היינטיגען סאָציאַלען לעבען, זיינען פאָלגענדע:

1. דער דעקאַדענטיזמוס, וועלכער ווייזט וויא אונזער קאַפּיטאַליסטיש־אינדיווידואַליסטישע פּסיכאָלאָגיע און מאָראַל צופאַלען אויף שטיקער, שטעלט פאַר אין דער דראַמאַ(וועלכע איז אימּמער אַ קאַמפּפס־פּלאַץ) דעם מאַכטלאָזען קאַמפּף פון מענשען וואָס זיינען נישט פעהיג צום קאַמפּף. ער מאָהלט מענשען וואָס האָבען אנשטאָט כאַראַקטער, מעהר נישט וויא שטימונג, נערווען, און נערווען־קראַנקהייט. דאָס זיינען דיא דאָזיגע, וועלכע זיינען ארויס פון דיא האַלאָבליעס, וועלכע זיינען נישט אַהין און נישט אַהער. זיי געהערען, געוועהנליך, צום קאַפּיטאַליסטישען קלאַס. אָבער זיי האָבען נישט דיא קראַפט און דיא ברוטאַליטעט צום קעמפּפען אין דיא רייהען פון זייער קלאַסס, און עס פעהלט זיי אויך דער מאָראַלער מוטה צו־צושטעהן צו דעם אַנדערן קלאַסס. דאָס זיינען דיא האַמלעטס אָהן האַמלעט'ס גרויסקייט.

אַ צווייטער טיפּ פון דער דעקאַדענטישער דראַמאַ פון אונזער צייט איז דער קרבן פון דיא אויסגעלאַסענהייט פון דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַסס. דער פּראָלעטאַריאַט ליידעט פון אוננאַטירליכע אָרעמקייט און הונגער. אָבער דערפאַר האָט דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַסס אוננאַטירליכע עשירות און אוננאַטירליכע תענוגים. און דאָס האָט בעשאַפען אַ נייעם טיפּ אין לעבען און אין דער דעקאַדענטישער דראַמאַ, אַ מענשען, וועלכער, וויא קהלת, האָט שוין אַזוי פיעל פארזוכט אַלע נאַטירליכע פערגעניגען פון לעבען, דאָס זיי זיינען שוין פאַר איהם הבל הבלים. זייענדיג פריי, — גראַדע וויא זיין קלאַסס,— פון וועלכע עס איז גייסטיגע אינטערעסען אין לעבען, ווערט ער דער כעמיקער פון אוננאַטירליכע תענוגים און עקספּערימענטירט אין אַלערהאַנד אוננאַטירליכע זינד. און אַזוי ווערט דיא דראַמאַ פון דיא דעקאַדענטען דער שפּיעגעל פון מאָראַלען באַנקראָט, און פון די גייסטיגע מאַכטלאָזיגקייט פון אונזער בורזשואַזיא.

2. דער אַנאַרכיזמוס, וועלכער איז דער לאָגישער יורש פון'ם אידעאַלען אינדיווידואַליזמוס פון אָנפאַנג פון לעצטען יאהר־הונדערט, וועמעס שטרעבונג איז נישט נור דיא איבערקעהרעניש פון'ם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם, זאָנדערן אויך דיא בעפרייאונג פאַר יעדען איינצעלנעם פון יעדער סאָציאַלע בעדריקונג, האָט געוויזען געוואַלדיגע קראַפט אין דער היינטיגער דראַמאַ. ער האָט בעשאַפען אַ נייעם דראַמאַטישען קאַמפּפס־גרונד, צווישען דעם איינצעלנעם און דיא געזעלשאַפטליכע איינאָרדנונגען, צווישען דעם מנהג־המדינה, וועלכער איז אָהן מאָראַלען לעבען, פאַרשטיינערט אין דיא איינצעלנע גייסטער. עס איז פאַראַן נור איין איינציגער לעבען, איין איינציגע וואַהרהייט, איין איינציגע פרייהייט, און זיי געפינען זיך נור אין דעם איינצעלנעם, ווען ער האָט זיך בעפרייט פון דיא קייטען פון דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציאָן. דער אַנאַרכיזמוס האָט אויך בעשאַפען אַ נייעם דראַמאַטישען מאָטיוו: דיא פאָלקאָמענע בעפרייאונג פון דעם איינצעלנעם, און אַ נייע פּסיכאָלאָגיע פון דעם גאַנצען מענשליכען טיפּ. אין דער פריהערדיגער דראַמאַ, למשל, ביי שעקספּיר'ן, זיינען דיא כאַראַקטערען געוועזען איינזייטיג־מענשליך; דהיינו: „האַמלעט" איז אַ זוהן, „קעניג ליער" איז אַ פאַטער, „אָטהעלא" איז אַ מאַן, „דזשוליעט" איז אַ פערליעבטע און ז. וו. אָבער אין דיעזער דראַמאַ פון אַנאַרכיסטישע טענדענצען איז יעדער טיפּ און יעדע וואַריאַציאָן פון טיפּ צום ערשטען און צום לעצטען און אימערצו, אַ מענש, וואָס קעמפּפט אַלס אַזעלכער פאַר זיין גאַנצע פרייהייט. און פאַר דיא פולסטע ענטוויקלונג פון זיין גאַנצער מענשליכער נאַטור, אין אמת'ן אָבער האָבען זיי אַלע דיא איינציגע שטרעבונג אַרויס־צו־ווייזען דיא גאַנצע מענשליכע נאַטור. דאָס זיינען דיא לייסטונגען פון דער אַנאַרכיסטישע טענדענץ אין דער דראַמאַ.

3. דער סאָציאַליזמוס, וועלכער האָט אַריינגעבלאָזען אין דער דראַמאַ אַ נייע נשמה, דיא סאָציאַלע שטימונג וואָס גיט אַ נייע פאַרב צו דיא כאַראַקטערען, ער האָט בעשאַפען אַ נייעם דראַמאַטישען מאָטיוו: דער איינצעלנער שאַצט אָפּ טהייערער און שטעלט אַוועק העכער דיא סאָציאַלע נוצען, און דיא סאָציאַלע געזונדהייט איידער זיין אייגענעם געשמאַק און זיינע אייגענע נייגונגען. דיעזער מאָטיוו ווערט דער פונקט, אַרום וועלכען עס געהט אָן דער דראַמאַטישער קאַמפּף אין דער דראַמאַ. אויך האָט ער בעשאַפען אַ נייעם דראַמאַטישען טיפּ: דיא מאַססע, וויא למשל, דיא מאַססע אין הויפּטמאַנס „וועבער", אָדער דיא שטאָדט אין יושקעוויטש'עם „הונגער".

דיעזע אייניגע שטרעמונגען אין דער היינטיגער דראַמאַ, וועלכע שפּיעגלען אָב דיא טענדענצען פון אונזער היינטיגען געזעלשאַפטליכען לעבען, מיט זייערע דראַמאַטישע מעגליכקייטען און סימבאָליזמוס, און זייערע גרויסע דראַמאַטישע פאַרשטעהער וועלען זיין דאָס טהעמא פון מיינע ווייטערדיגע אַרטיקלען.

דער דזשאַנגל.

פון ל. בודיאַנאָוו.

.2

„דער דזשאָנגל“ איז דיא געשיכטע פון
אַ ליטווישער פויערן־פאַמיליע, וועלכע איז
אַרויסגעריסען געוואָרען פון איהר מיטעל־אַל־
טערליכער ליטווישער האַלב־ווילדהייט וואו זיא
איז אויפגעוואקסען און פערפלאַנצט געוואָרען
אין סאַמע מיטען פון אונזער קאַפּיטאַליסטי־
שער „ציוויליזאַציאָן“. דער אומשטאַנד דאָס
דער “העלד“ פון׳ם בוך אין וועלכען עס ווערט
בעשריבען דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזמוס
איז אַ ניט־אַמעריקאַנער, אַ „פאָררײנער“, איז
צו דערזעלבער צייט אַ חסרון און א מעלה. אַ
חסרון איז דאָס, ווייל פיעלע שטאַרקע פּארטיען
פון׳ם בוך ווערען דורך דעם אָבגעשוואכט. דער
לעזער קריגט דעם איינדרוק דאָס פיעלע פון דיא
צרות, וועלכע דער „העלד“ יורגיס, דער הויפּט
פון דיזער ליטווישער פאַמיליע, און זיינע פאַ־
מיליען־מיטגליעדער האָבען אויסצושטעהען, קו־
מען דערפון וואָס זיי זיינען „גרינע“. וועהרענד
דאָס וואָס דיא „העלדען“ זיינען „גרינע“ מאכט
דיא ליידען, וועלכע זיי האָבען אויסצושטעהען
ניט וויינעגער הערצרייסענד, פערליערט אָבער
דאָס גאַנצע קינסטלערישע בילד פון זיין עס־
טהעטישען ווערטה, ווייל זיין אידעע ווערט
וויינעגער אַלגעמיין. עס מאכט דעם איינדרוק
דאָס דער פערפאסער האָט ניט געמאָלט דעם
גרויסען מעכטיגען שטראָם פון אונזער קאַפּיטאַ
ליסטיישען לעבען, זאָנדערן בלויז אַ קליינעם
פערוואָרפענעם ווינקעל, און צופעליגע, פּאָראַי־
בערגעהענדע ערשיינונגען.

דערפאר גיט אָבער דיעזער אומשטאַנד
דעם פירפאַסער דיא מעגליכקייט אַריינצושטע־
לען אין זיין בילד צוויי עפּיזאָדען, וועלכע גע־
הערען צו דיא פיינסטע טהיילען פון׳ם בוך פון
אַן עסטהעטישען שטאַנדפונקט און אָהן וועלכע
דאָס בילד וואָלט ניט געוועזן פאָלשטענדיג. מיט׳ן
ערשטען פון דיזע עפּיזאָדען עפענט זיך אויף
דער בוך. דאָס איז דיא מערקווירדיגע בעשריי־
בונג פון דער התונה פון דעם ליטווישען פויער
יורגיס מיט דער ליטווישער פויערן־מיידעל אָנאַ,
נאַכדעם וויאביידע זיינען געוואָרען אַמעריקאַ־
נער קאַפּיטאַליסטישע שקלאַפען. אָבוואָהל דער
לעזער לעזט דאָס ערשטע קאַפּיטעל וואו דיא
חתונה ווערט בעשריבען מיט אַ שמייכעל אויף
דיא ליפען, איז דאָך, דער עפּיזאָד — וועלכער
ווערט דאָרט בעשריבען איינער פון דיא ערגריי־
פענדסטע אין׳ם גאַנצען בוך.

דיא „וועסעליא“ וועלכע ווערט אָבגע־
שפּיעלט אין דעם ענגען, שמוציגען און פער־
שטיקטען צימער הינטער דעם ביער־סאַלון איז
בלויז אַ טרויעריגע נאַכהאַמונג פון דער פרעה־
ליכער ליטווישער „וועסעליא“ וואָס אונזערע
העלדען האָבען מיטגעבראַכט פון זייער אַל־
טער, רוהיגער און פריעדליכער היים, וואו עס
איז דאָ גענוג פּלאַטץ און צייט; און אַפילו
דיזעס ווערט זיי אויך פערשטערט צוליעב דעם
וואָס דיא „אויסגעגעלטע“ ליטווישע יונגע לייט
האָבען וויינעג דרך ארץ פארן אַלטען היימישען
מנהג פון געבען דרשה־געשאַנק. איהר זעהט דאָ
וויא אזוי דער גרעסטער צושטערער פון אַלע
צייטען, דער קאַפּיטאַליזמוס, האָט צושטערט
מיט זיין גרויזאַמער האַנד ניט נור דאָס אַלטע
פריעדליכע בויערן־לעבען זאָנדערן אויך דיא אַל־
טע פריעדליכע בויערן מנהגים מיט זייער עהר־
ליכען פערגעניגען און פערגניגענדער עהרליכ־
קייט . . .

דאָ זעהט איהר אויך וויא אַזוי דער קאַ־
פּיטאַליזמוס דערשטיקט דיא שטאַרקסטע מענש־
ליכע געפיהלען, און לייגט אַרויף זיין האַנד אויף
דער גרעסטער מענשליכער אינסטיטוציאָן, אויף
דער יעניגער אינסטיטוציאָן, וועלכע זיינע פאָר־
שטעהער ערקלעהרן כלומרשט פאר הייליג, —
דיא פאַמיליע. יורגיס איז ווילד פערליעבט אין
זיין כלה. ער קען זיך ניט דערוואַרטען ביז דיא
געסט וועלען זיך צוגעהן, אָדער ביז דער „קע־
רידזש“ וועלכען ער האָט בעשטעלט וועט קומען
זיי נעהמען א היים. ער כאפּט אָנא אויף דיא
הענד און טראָגט זיא א היים. אָבער זיי טאָרען
זיך ניט פערגעסען אין זייערע געפיהלען, ניט
אפילו אין דיזען טאָג וועלכער איז פאר אַזעל־
כע מענשען וויא יורגיס און אָנא דער גרעסטער
טאָג אין זייער לעבען. זיי מוזען אימער געדענ־
קען דאָס זיי זיינען שקלאַפען. אַלס שקלאַפען
מוזען זיי זייערע געפיהלען פארשטיקען, ווייל...
זיי קענען זיך נאָך פערשפּעטיגען צו דער אר־
בייט! יורגיס און אָנא זיינען יעצט מאַן און

פרוי. פאָרמאַל, נאָך'ן געזעץ נאָך, געהערען זיי זיך איינס דעם אָנדערן. אבער אין אמת'ן געהערען זיי פריהער פאר אַלעמען דעם שאַפּ, דער מאַשינע ביי וועלכער זיי ארבייטען. דיזעס מוזען זיי אימער גערדיינקען, דיזעס טאָרען זיי אויף קיין אויגענבליק ניט פערגעסען. נאָך'ן שאַפּ... אָבער אין זייער גאַנצען לעבען איז ניטאָ קיין „נאָך'ן שאפּ", וויא זייער ווייטערדיגע לעבענס־בעשרייבונג צייגט אונז.

פון זייער שפּעטערדיגער לעבענס בעשרייבונג וועלען מיר אויך געוואָהר ווערען, דאָס דער פערקויפט זיין צום שאפּ איז ניט דער איינציגער וועג, אויף וועלכען דער קאַפּיטאַליזמוס צושטערט דאָס פאַמיליען־לעבען. מאַריאַ, און איהר חתן, דער כלי־זמר, קומען איבערהויפּט ניט צו דער מעגליכקייט חתונה צו האָבען, ווייל זיי האָבען ניט מיט וואָס חתונה צו האָבען און זיא ווערט נאַכהער אַ שטראסען פרוי. אָנא, וויעדער ווערט געצוואונגען פון דיזעלבע קאַפּיטאַליסטישע אומשטענדען צו ווערן דיא מעטרעסע פון אַ שכור'ן לויפער, אָבוואָהל פערהייראַטעט און ליעבענדיג איהר מאן !

אָבער דאָס אַלץ לעזען מיר שפּעטער. דערוויל שטעלט אונז דער פערפאַסער פאָר דעם אַנדערן פון דיא צוויי עפּיזאָדען, וועלכע איך האָב אויבען דערמאָנט, נעמליך דיא בעשרייבונג וויא יורגיס דערזעהט צום ערשטען מאָהל דיא געוואַלדיגע מאַשינעריע פון דיא סטאַק־יאַרדס אין שיקאַגאָ און דעם איינדרוק וואָס דיזע גראַנדיאָזע איינריכטונג מאכט אויף איהם. שפּעטער, ווען יורגיס ארבייט אין דיא סטאַק־יאַרדס, ווען ער איז אַליין אַ טהייל, א קליינענקער גאַנץ אונבעדייטענדער טיילכעלע פון דיזער גרויסאַרטיגער מאַשין, פערגעסט ער וויא גרויס, וויא ריעזען־גרויס, שטאַרק און העררליך, דיזע מאַשין איז. וויא פלינק און גרינדליך זיא טהוט איהר ארבייט, וויא מערקווירדיג קלוג אַלעס איז איינגעריכטעט אום קיין ניצליכע זאך זאָל ניט פערלאָרען געהן, וויא אַלעס אונניצליכע ווערט ניצליך געמאכט, אַ חוץ דעם כרוקען פון דיא חזרים... ארבייטענדיג אין'ם שטינקענדען, שמורציגען, איינגען צימער, און טהוענדיג אימער דיזעלבע כמעט אוטאָמאַטישע שטיקעל ארבייט, האָט ער דאָס אַלעס ניט געקענט זעהן, און ווען ער וואָלט עס געזעהען וואָלט ער עס ניט אַזוי פערשטאַנען וויא ער האָט עס פערשטאַנען דעם ערשטען מאָהל וואָס ער האָט דערזעהען דיא סטאַק־יאַרדס. יעצט, קומענדיג פון אַן אַנדער וועלט, שטעהענדיג נאָך אויסערהאלב דער נייער, ניט האָבענדיג געפיהלט אויף זיך דיא ערדריקענדע מאכט פון

דיזער שרעקליכער בעשעפּענים, פון דיזער ווילדער, מענשענפרעסערישער חיה, קען ער זיך אין גאַנצען אָבגעבען צו דער עקסטאַזע פון בעוואונדערונג פאר דיזער ווירקליך גראַנדיאָזער און מערקווירדיגער ערשיינונג — דעם קאַפּיטאַליזמוס אויף דער העכסטער שטופע פון זיין היסטאָרישער מיסיאָן, דער ענטוויקלונג פון דיא פּראָדוקטיוו־קרעפטען פון דער מענשהייט !

אָהן דיזע צוויי זייטען־בילדער, פון דעם קאַפּיטאַליזמוס אלס צושטערער פון דער אַלטער וועלט מיט איהרע אידעען און מנהגים, און פון דעם קאַפּיטאַליזמוס ערפיללענדיג זיין היסטאָרישע מיסיאָן, וואָלט דאָס אַלגעמיינע בילד פון אונזער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאפט ניט געווען אַזוי פאָלקאָם וויא דאָס איז יעצט. און ס'איז דארום כדאי געווען אנדערע שטעלען אפילו אָבצושוואַכען אום צו האָבען דיא מעגליכקייט דיזע צוויי זייטען־בילדער צו מאָהלען.

* * *

מיט'ן אַריינטרעטען אין קאַפּיטאַליסטישע דיענסטען פאַנגען זיך אָן דיא צרות פון דיא נייע שקלאַפען. עס פאַנגט זיך אָן דערפון וואָס דיא ווייבער און קינדער מוזען געהן אויף דער קאַטאָרזשנער ארבייט גלייך מיט דיא מענער און עלטערע מיטגליעדער פון דער פאַמיליע. יורגיס, וועלכער האָט נאָך פאָר־קאַפּיטאַליסטישע אידעען וועגען דעם, שטרעבט זיך אין אנפאנג געגען דעם, און דערלאָזט עס בלויז ווייל ער דענקט אַז דאָס איז בלויז אויף אַ קורצער צייט, ביז זיי וועלען זיך איינאָרדנען. אָבער דיעזע קורצע צייט געהט קיינמאָהל ניט פאָראיבער. פערקעהרט, וואָס ווייטער ווערען דיא מענער אַלץ מעהר אבהייננגיג פון'ם פערדיענסט פון דיא פרויען, דיא עלטערע פון'ם פערדיענסט פון דיא קינדער. דער קאַפּיטאַליזמוס האָט א צאַרטען מאָגען: וועהרענד טויזענדער און אָבערטויזענדער געזונדע ערוואַקסענע מענער געהן ארום אָהן ארבייט ווערט דיא צאָהל פון בעשעפטיגטע פרויען און קינדער אַלץ גרעסער און גרעסער.

און זיינען זיי איינמאָהל אַריינגעטראָטען אין קאַפּיטאַל'ס מלוכה קענען זיי שוין זיין יאָך פון זיך מעהר ניט אַראָבוואַרפען. זיי בלייבען איהם אונטערטהעניג ביז ער ריכטעט זיי צו גרונדע. איינציגווייז ווערען דיא מיטגליעדער פון דער פאַמיליע פערניכטעט קערפּערליך און מאָראַליש ביז יורגיס בלייבט איינער אַליין אויף דער וועלט אַן אויסוואורף פון דער מענשליכער געזעלשאפט, אַ טרעמפּ אָהן אַ פאַמיליע, אָהן אַ היים אָהן אַ ציעל אָדער צוועק אים לעבען. דיא צרות וואָס זיי האָבען אויסצושטעהען, פון'ם

שווינדעל פון „אַן אייגען היים“ ביז צו דער פערגוואַלטיגונג פון אַנאַ, און דעם דערטרינקען פון׳ם קליינעם אַנטאַנאַס אין אַ לוזשע וואַסער, זיינען אַזוי פיעל, אַזוי פערשיעדען, און אַזוי שוידערהאַפט דאָס זיי קענען דאָ אַלע ניט איבערגעגעבען און אַפּילו ניט אויסגערעכענט ווערען. אָבער זיי פליסען כמעט אַלע פון איין קוועלע, דיא קוועלע פון וועלכע דיא מעהרסטע צרות פון דער ארבייטער קלאַסע, דיא הויפּט צרות פון דער ארבייטער קלאַסע, פליסען — דיא אונזיכערהייט אין דער בעשעפטיגונג. מיט וועלכער איז ענג פערבונדען דער גרעסטער שווינדעל פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט — דער שווינדעל פון גרויסע וויידזשעס.

דיא מיינונג איז אויסגעשפּראָכען געוואָרען פון סאָציאַליסטישע קריטיקער דאָס דער הויפּט געוויכט פון׳ם בוך ליעגט אין דער בעשרייבונג פון דיא שרעקליכע אומשטענדען אונטער וועלכע דיא ארבייטער אין דיא סטאָק־יאַרדס מוזען ארבייטען, און דיא קלעגליכע וויידזשעס, וועלכע זיי קריגען פאַר זייער קאַטאָרזשנע ארבייט. דיזע בעהויפּטונג איז פאַלש. עס איז אמת דאָס דיא ארבייטער קריגען קלעגליכע וויידזשעס און ארבייטען קאַטאָרזשנע ארבייט אונטער שרעקליך אונגעזונדע צושטענדען, וועלכע בריינגען אויף זיי שרעקליכע קראַנקהייטען. דיזעס פערגרעסערט דאָס בינטעל צרות. אָבער דער עקר צרות קומט ניט דערפון. ווען אַלע צרות וואָלטען געקומען דערפון וואָלט דער „דזשאַנגל“ געווען אַ בעשרייבונג בלויז פון אַ טהייל פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, און דאָס בילד וואָלט ניט געווען אַזוי ערגרייפענד, ווייל דיא צושטענדע וועלכע ווערען בעשריבען וואָלטען דאַן ניט געווען האָפנונגסלאָז. ניט אין אַלע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען צאָהלט מען אַזעלכע קליינע וויידזשעס, און ניט אין אַלע פאַבריקען ארבייט מען אַזוי לאַנג און אונטער אַזעלכע שמוציגע און אונגעזונדע אומשטענדען. עס וואָלט דאַן געווען בעשריבען ניט דיא קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, זאָנדערן איהר ערגסטער טהייל, און, וואָס איז נאָך וויכטיגער, איהר צוריקגעבליבענסטער הינטערשטעליגסטער טייל, און עס וואָלט דאַן געווען אַ האָפנונג דאָס מיט דער צייט וועט דער פאָרטשריט דיזע אַלע צרות בעזייטיגען.

דעם שרעקליכסטען איינדרוק מאַכט סינקלייר׳ס בילד מיט זיין אַבזאָלוטער האָפנונגסלאָזיגקייט. (מיר רעדען דאָ נאַטירליך ניט פון׳ם לעצטען טהייל פון זיין בוך, וועלכער האָט גאָר ניט צו טהאָן מיט דער בעשרייבונג פון קאַפּיטאַליסטישע צושטענדען). און האָפנונגסלאָז איז דאָס בילד דערפאַר ווייל דיא ליידען וועלכע ווערען דאָרט בעשריבען זיינען ניט דער רעזולטאַט פון דיא ספּעציעלע אומשטענדען, וועלכע ווערן דאָרט בעשריבען און וועלכע קענען איבערגעאַנדערשט ווערען, זאָנדערן פון דיא אַלגעמיינע, אונפערענדערליכע אומשטענדען, דיא אומשטענדען וועלכע זיינען איינגעוואָרצעלט אין׳ם קאַפּיטאַליזמוס סיי ער איז ריקשטענדיג סיי פאָרטשריטליך. דיא אַלע צרות און דחקות וואָס זיי האָבען אויסצושטעהען אום צו ראַטעווען זייער „היים“ זיינען ניט דער רעזולטאַט פון דיא קליינע וויידזשעס וואָס זיי פערדיענען. פערקעהרט, וויא פּאַראַדאַקסאַל עס זאָל ניט קלינגען, איז עס דאָך אמת דאָס דיזע צרות קומען אויף זיי צוליעב דעם וואָס זיי מאַכען גרויסע וויידזשעס! דער הויפּט טראָבעל נעהמט זיך דערפון וואָס זיי רעכענען אויס דאָס זייערע וויידזשעס זיינען גרויס גענוג אַז זיי זאָלען קענען אויסצאָהלען זייער „היים“. זייער רעכנונג וואָלט געשטימט, ווייניגסטענס אין דיא הויפּט פּונקטען, ווען דאָ וואָלט זיך ניט אריינגעמישט דער „גרויסע וויידזשעס“ שווינדעל, דער שווינדעל פון בערעכענען דעם ארבייטערס פערדינסטען נאָך דיא וויידזשעס וועלכע ער קריגט ווען ער איז בעשעפטיגט. אַזוי וויא עס איז אַבסאָלוט אונמעגליך אין פאָראויס צו וויסען וויא לאַנג אַן ארבייטער וועט זיין בעשעפטיגט דורכ׳ן יאָהר, און מען קען ניט וויסען ווען דער גורל פון ארבייטסלאָזיגקייט וועט טרעפען פריהער, האָפט יעדער ארבייטער נאַטירליך אַז איהם וועט עס ניט טרעפען, ווייניגסטענס ניט אַזוי שנעל, לעבט ער און מאַכט זיינע פּלענער פאַר דער צוקונפט אַזוי וויא עס וואָלט קיין אונבעשעפטיגטע ניט געווען. אָבוואָהל ער קריגט קיינמאָל ניט צו פיעל און מיט זיינע „גרויסע“ וויידזשעס, אַפּילו ער וואָלט זיי אימער געקראָגען, קען ער זיך חלילה קיין גרויסע וואוילטאָגען ניט אָנטהאָן, וואָלט עס איהם דאָך פיעל בעסער געווען, און ער וואָלט פיעל צרות אויסגעמיעדען, ווען זיין פערדיענסט וואָלט אַזוי איינגעטהיילט געוואָרען דאָס ער זאָל דאָסזעלבע פערדיענסט קריגען אין קלענערע אָבער רעגולערע וויידזשעס. יורגיס און זיין פאַמיליע האָבען גע׳חשבון׳ט אַזוי וויא זיי וואָלטען געלעבט אין זייער ליטווישען דאָרף וואו דיא איינקינפטע זיינען רעגעלמעסיג ווייל דיא בעשעפטיגונג איז רעגעלמעסיג. זיי האָבען גאָר פערגעסען אַז זיי לעבען יעצט אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אין וועלכער דעם ארבייטערס בעשעפטיגונג מוז זיין אונזיכער. און מיר דאַרפען זיך ניט וואונדערן וואָס דיא „גרינע“ ליטווישע

פויערן האָבען געמאַכט אַזאַ גרויסען טעות ווען מיר זעהן דיא גרעסטע געלערנטע סטאַטיסטיקער מאַכען דעם זעלבען גראָבען טעות.

איבער וואָס מיר דאַרפען זיך פיעלייכט יאָ וואונדערן, איז דאָס וואָס מאַנכע סאָציאַליסטען האָבען אַזאַ וויכטיגע און דייטליכע שטעלע ביי סינקלייר׳ן געקענט פערזעהען!

דערפאַר זעהט סינקלייר אַלעס. מיט זיין געניאַלען אויג זעהט ער דיא פאַרבאָרגענסטע רעדלעך פון דער קאַפּיטאַליסטישער מאַשינעריע, און מיט זיין קינסטלערישער האַנד מאָהלט ער עס אייך אָב אַזוי פראָסט, אַזוי איינפאַך דאָס איהר ווייסט אַפילו ניט דאָס מען ערקלעהרט אייך דאָ סיסרי תורה. דיא אַפּאָלאָגעטען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט וועלכע זוכען צו בעווייזען וואָס פאַר פערלוימדער דיא סאָציאַליסטען זיינען ווען זיי זאָגען דאָס דיא אַרבייטער געהט עס ניט אַזוי שטאַרק גוט אויף דער וועלט, צייגען געוויינליך מיט שטאָלץ אויף דיא סייווינג ביינקס מיט דיא פיעלע דעפּאָזיטס פון קליינע סומען, אַלס אַ בעוויין וויא רייך מיר אַלע, דאָס הייסט אויך דיא אַרבייטער, זיינען. פיעלע כשרה נשמות האָבען זיך שיער דעם קאָפּ ניט צובראָכען קלעהרענדיג וויא נעהמען זיך אַזוי פיעל באַנק־בידלעך אין אַ צייט ווען עס איז דאָ אַזוי אונבעשעפטיגטע און אַזוי פיעל אָרימקייט, וויא אַזוי שטימט אַזאַ גרויסע צאָהל באַנק־ביכלעך מיט אַזאַ גרויסער צאָהל „דיספּאָזעסעם“ (ארויסזעצונג פון דיא וואָהנונגען). איינינגע שוואַך־קעפּיגע סאָציאַליסטען האָבען שוין דערפון געדרונגען אַז אין אונזער געזעלשאַפט בילדעט זיך אַ נייע מיטעל־קלאַסע און האָבען דערויף געבויט גאַנצע בנינים. לעזט דעם „דזשאָנגל“ און איהר וועט זעהן וויא איינפאַך דיא גאַנצע געשיכטע איז! איהר וועט דאָרטען זעהען וויא באַנק־ביכלעך און אָרימקייט געהן צוזאַמען, וויא באַנק־ביכלעך און „דיספּאָזעס׳ס“ שטעהן ניט נור ניט אין קיין ווידערשפּרוך איינע מיטן אַנדערן, זאָנדערן דאָס זיי מוזען ביז צו אַ געוויסען גראַד עקזיסטירען זייט־ביי־זייט אין אַ געזעלשאַפט וואו בעשעפטיגונג איז העכסט אונזיכער און וואו מען מוז שפּאָרען ווען מען אַרבייט, ווען מען וויל ניט פערהונגערן אָדער קריגען דעם „דיספּאָזעס“ גלייך אויף מאָרגען. יעדעס מאָל ווען מען ווערט אָהן אַ דזשאַב. נאַטירליך געהט דאָס באַנק־ביכעל פריהער אויס איידער דער „דיספּאָזעס“ קומט אָן. אָבער אַזוי וויא דיא „אַקטיווע“ און „רעזערווע“ פון דער אַרבייטער אַרמיי, וויא מען רופט עס אָן אויף דער אונעסטהעטישער שפּראַך פון דיא „דאָגמאַטישע“ מאַרקסיסטען, פליסען שטינדיג איינע אין דיא אַנדערע, און דער פערסאָנאַל האַלט זיך אין בעשטענדיגען בייטען, בלייבט דיא צאָהל באַנק־ביכלעך און דיא צאָהל „דיספּאָזעסעם“ ביז צו אַ געוויסען גראַד אימער דיזעלבע, סיידען דיא אומשטענדען פערבעסערן אָדער פערערגערען זיך שטאַרק. אָבער אין דיא בעסטע צייטען וויא אין דיא ערגסטע ווירקט דיזע אונזיכערהייט פון זיין בעשעפטיגונג שרעקליך אויפן אַרבייטער ניט נור אין מאַטעריעלער זאָנדערן אויך אין מאָראַלישער הינזיכט. דער אַרבייטער ווייסט דאָס אַז דיא „גוטע“ צייטען געדויערן ניט לאַנג, דאָס דיא מאָגערע קיה שלינגען אימער איין דיא פעטע קיה, און עס זעהט זיך אַפילו ניט אָן, און ער ציטערט אימער פאַר דער „סעק“. דיא „סעק“ ווירקט אויף איהם שרעקליך מאַטעריעל און מאָראַליש, אָבער אַפילו ווערענד ער איז בעשעפטיגט ווירקט אויף איהם דאָס ציטערן פאַר דער „סעק“ שרעקליך אין מאָראַלישער הינזיכט.

אָנאַ פאַלט אַלס אָפּפער פון׳ם פערדאָרבענעם „באָס“ ניט ווייל זיא איז אויסער אַרבייט, ווייל זיא אָדער איהר פאַמיליע איז אָהן ברויט, זאָנדערן ווייל זיא לעבט אין שטענדיגער שרעקטאָמער וועט זיא פערליערן איהר אַרבייט און זיא און איהר פאַמיליע וועלען בלייבען אָהן ברויט. אַנאַ׳ס אונגליק, וועלכער שלעפּט נאָך זיך אַלע ווייטערדיגע אונגליקען פון דער פאַמיליע, איז דער רעזולטאַט פון דער שרעקליכער מאָראַלער ווירקונג, פון דעם שרעקליכען מאַטעריעלען צושטאַנד, וועלכער קומט אַרויס פון דער אונזיכערהייט פון דעם אַרבייטערס בעשעפטיגונג. דיזע אונזיכערהייט איז ניט נור שרעקליך אָן און פיר זיך, זאָנדערן זיא מאַכט נאָך שרעקליכער פיעלע פון דיא אַנדערע אונגליקען, וועלכע דיא אַרבייטער האָבען אויסצושטעהען. ניט יעדער אַרבייטער ווערט פעראונגליקט ביי דער אַרבייט. עס איז אַ צופאַל פאַרן איינציגען אַרבייטער. עס איז אָבער ניט קיין צופאַל פאַר דער אַרבייטער קלאַסע. אַלע יאָהר ווערען אַ געוויסע צאָהל אַרבייטער פעראונגליקט ביי דער אַרבייט. ווען אַן אַרבייטער טרעפט זיך אַזאַ אונגליק, איז שווער צו ענטשיידען, וועלכער אונגליק איז גרעסער: צו דאָס וואָס ער מוז דורכגעהן אַ לאַנגע און שווערע קראַנקהייט, פיעלייכט פערליערען אַן אבר, אָדער דאָס וואָס ער האָט פערלאָרען זיין בעשעפטיגונג, וועלכע ער וועט וואָהרשיינליך ניט קענען צוריק קריגען ווען ער וועט געזונד ווערען. דער שטאַרקער, פעהיגער יורגיס, איינער פון דיא בעסטע און בעסט־בעצאָהלטע אַרבייטער אין זיין שלאַכט־הויז, מוז נאָך זיין

אונגליקליכען צופאל אָנקומען ארבייטען ביי איינע פון דיא נידריגסטע און פערדערבליכסטע סאָרטען ארבייט פאר שלעכטע וויידזשעס, וויל ער קען מעהר קיין בעשעפטיגונג ניט קריגען ביי זיין פריהערדיגער ארבייט, נאכדעם וויא ער האָט זיך מאָנאַטען־לאַנג אָבגעמאַטערט אויף זיין קראַנקען בעט.

איבערהויפט ווירקט דיא שלעכטע מאַטעריעלע לאגע שרעקליך אויף דעם ארבייטערס מאָראַלישען כאראַקטער, זאָלאַנג נאַטירליך וויא דיא געגען־קרעפטע, וועלכע דער קאַפיטאַליזמוס רופט ארויס אין דער ארבייטער־קלאסע זיינען נאָך אונענטוויקעלט. אַ ביישפיעל דערפון איז יורגיס. מיר ריידען שוין ניט דערפון וואָס ער ווערט צוליעב שלעכט־מאַטעריעלע אומשטענדען אַ „פערברעכער" נאָך'ן קאַפיטאַליסטישען שלחן־ערוך נאָך. מיר ריידען אויך ניט וועגען דעם וואָס ער בעגעהט דעם גרעסטען פערברעכען פון'ם אַרבייטער־שטאַנדפונקט — ווערט א סקעב אין דער צייט פון אַ וויכטיגען סטרייק — אַלץ צוליעב דיזעלבע אומשטענדען. פאר אונז דאָ וויכטיגער פאר אַלעם דיא זעהר ריכטיגע בעאָבאַכטונג, וועלכע סינקלייר האָט געמאכט און אזוי מייסטערהאפט אָבגעמאָלט דאָס אונטער דעם דרוק פון דיזע ווערט יורגיס איבערהויפט האַרטהערציג און שלעכט. דער גוטער ברייט־הערציגער יורגיס, וועלכער האָט אין אַנפאנג ניט געוואָלט צולאָזען דאָס דיא פרויען און קינדער זאָלען ארבייטען, אָט דערזעלבער יורגיס, שלאָגט אַלע טאָג דעם אונגליקליכען קליינעם סטאַניסלאוועס דערפאר וואָס יענער וויל ניט געהן צו דער ארבייט, און שלעפּט איהם מיט געוואלד צו דער ארבייט! איינער פון דיא שרעקליכסטע מאַמענטען אין דער שרעקליכער סצענע צווישען יורגעס און דעם קליינעם סטאַניסלאוואס אין דער טורמע, ווען כטאַניסלאוואס דערצעהלט יורגיס'ן וויא שרעקליך זיי קומען אָפּ אין דער היים און בעט ביים איינגעשפּארטען יורגיסען הילפע פאר זיין פאַמיליע, אין דיזער שרעקליכער סצענע איז איינער פון דיא שערקליכסטע מאָמענטען דער יעניגער ווען יורגיס ווערט אין כעס אויפן קינד און וויל איהם שלאָגען ווען ער דערהערט אז דאָס אונגליקליכע קינד האָט ניט געקענט געהן צו דער ארבייט צוליעב דעם שרעקליכען שניי וואָס איז אויסגעפאלען. אינ'ם אויסרוף: „דו האָסט ניט געטרייעט, דו קליינע שעלמע!" מיט וועלכען יורגעס ווארפט זיך ארויף אויף'ן אָרימען, דערשלאָגענעם, וויינענדען קינד הערט זיך ניט נור איין אבגרונד פון פערצווייפלונג, זאָנדערן אויך פון פערדאָרבענהייט, און דער גרויסער רחמנות־געפיהל, וועלכער ווערט ערוועקט אין'ם לעזער פון דיזער סצענע איז געמישט מיט אַ געפיהל פון פעראַכטונג פאר איהר העלד, פאר זיין גרויזאמקייט.

אמת, דאָס געפיהל פון פעראַכטונג געהט ביים לעזער גלייך פאָראיבער, וויל ער זעהט די אורזאַכע, דעם קוואל, פון דיזער פערדאָרבענהייט אין דיא אומשטענדען, וועלכע האָבען יורגעס'ן געטריבען צו פערצווייפלונג. דער לעזער פערשטעהט און פערצייהעט. אָבער דאָס ענדערט ניט דעם טרויעריגען פאקט דאָס יורגעס איז געוואָרען בייז. קאַלט, האַרט־הערציג און צייטענווייז זאָגאר גרויזאם. דער פאקט בלייבט אַ טרויעריגער פאקט און איז ריכטיג פאר אַלע יורגעס'ס, פאר דער גאַנצער ארבייטער קלאס. סינקלייר האָט בעאָבאַכטעט דיזען פאקט ביי דיא אַמעריקאַנער ארבייטער, און הויפּטמאַן האָט דאָסזעלבע געזעהען ביי דיא דייטשע ארבייטער און האָט עס אָבגעמאָלט אין דער מערקווירדיגע סצענע, אין דיא „וועבער, ווען דיא שכינה מיטן קראַנקען פוס קומט אריין צו דיא שוועסטער באומערט בעטען זיי זאָלען איהר באָרגען אַביסעל מעהל. (דיא וועבער, 2טער אקט). מאַרקס'ס ווארט איבער דער „ברוטאַליזירונג" פון דער ארבייטער קלאסע דורך דעם קאַפיטאַליזמוס, אויסגעשפּראָכען 40 יאָהר צוריק איז בוכשטעבליך ריכטיג נאָך יעצט אויך, ניט אַכטענדיג אויף דעם לייקענען פון דיא נייע מאָדנע אַנטי־מאַרקסיסטען. ווער עס האָט אירגענד וועלכען צווייפעל דאַריבער, אָדער איבערהויפּט אירגענד וואָס מארקס האָט געזאָגט איבער דיא טענדענצען פון דער קאַפיטאַליסטישער געזעלשאפט, דער זאָל לעזען אויפמערקזאם דיא ווערקע פון דיא זשעניאַלע קינסטלער, דיא הויפּטמאַנס, דיא סינקליירס, דיא גאָרקיס, ווען זייער פעדער שטרייפט קאַפיטאַליסטישע צושטענדע.

צו דערזעלבער צייט ווערען דיא ארבייטער אָבגעריסען פון דער נאַטור. אַזוי לאַנג וויא זיי פערבלייבען „אַנשטענדיגע" אַרבייטער קענען זיי דיא נאַטור ניט אָנזעהן. זייער גאַנצען לעבען פערברייגגען זיי צווישען טויטע שטיינער, און זעהן אַפּילו איינמאָהל אין אַ יובל ניט אָן ברייטע, פרייע, לעבעדיגע און בליהענדע נאַטור. פאַר זיין גאַנצען לעבען אין אַמעריקא האָט יורגעס צום ערשטען מאָהל דערפיהלט דיא פרישע לופט פון אַ פרייען פעלד ווען ער איז געוואָרען א טרעמפּ, אַן ארויסגעשטויסענער פון אונזער ציווילירזירטער אַרבייטער־וועלט. כל זמן ער איז געוועזן אַן אַרבייטער מיט לייטען גלייך האָט ער ניט געזעהען קיין פרייע פעלד, קיין גרין גראָז,

האָט ער געאָטהעמט קיין פרישע לופט. אום דאָס אַלעס צו געניסען האָט ער געמוזט פון זיך אַראָבוואַרפען דעם יאָך פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער געזעלשאַפט, און זיך שטעלען אויפ'ן קריעג־פוס מיט איהר אַלס רעבעל, וועלכער אַנערקענט ניט די אויטאָריטעט פון איהרע געזעצע און אינסטיטוציאָנען. אָבער אום אַזוי צוברעכען מיט דער געזעלשאַפט האָט ער גע־מוזט פריהער ברעכען מיט זיין פאַמיליע — אָדער זיא פערליערען.

אָבער אַפילו פאַר פאַמיליען־לאָזע בעשע־פענישען איז עס אין אַזאַ שטריינג־אָרגאַניזירטע און קאָנצענטרירטע געזעלשאַפט וויא אונזערע אונמעגליך לאַנג צו פערבלייבען אויסערהאַלב דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציאָן, אַ פרייער פיראַט. דעם זומער האָט יורגעס געקענט פער־ברייננגען אַלס ווילדער פרייער פויגעל, אַרומ־וואַנדערנדיג איבער פעלדער און וועלדער, עסען וואָס ער האָט אויסגעבעטען אָדער אַוועקגע־גנב'עט און שלאָפען אונטערן פרייען הימעל. דער ווינטער אָבער האָט איהם געצוואונגען זיך צוריקצוקעהרען צו אונזער ציוויליזאַציאָן מיט אַלע איהרע צרות און מיט איהר הויפּט־צרה — אַרבייטסלאָזיגקייט.

אין'ם בוך זיינען פאַראַן פיעלע ערגרייפענ־דע, ערשיטערנדע מאָמענטען. כמעט יעדע זייטע גיט אונז אַ בליק אין אירגענד וועלכען שרעקלי־כען ווינקעל פון'ם פיזישען אָדער גייסטיגען לע־בען פון דער אַרבייטער־קלאַסע. עס איז גענוג צו דערמאָנען בלויז עטליכע: יורגיסעס קראַנק־הייט, און זיין געהן אַרבייטען אין דער פערטי־לייזער מיהל. אנאַ'ס לעצטער צוריקקעהרען פון איהר פייניגער, און איהר מתודה זיין זיך פאַר איהר מאַן. סטאַניסלאַוואַס וויזיט צו יורגעס'ן אין טורמע, וועלכען מיר האָבען שוין דער־מאָנט. אנאַ'ס טויט. יורגע'ס אהיים קומען ווען ער געפינט דעם קליינעם אַנטאָטאַס טויט. די סצענע אין'ם סלאַווישען פאַרמער'ס הויז ווען די פאַרמערקע נעהמט באָדען איהר קליינעם באַי. דאָס זיינען אַלץ אַזעלכע שרעקליכע סצע־נען, געמאָהלט מיט אַזאַ מערקווירדיגער קינסט־לערישער האַנד, דאָס זיי קריצען זיך אריין אין אייער מוח אַזוי וויא די פּערזאָנען וואָלטען געלעבט און די פאַסירונגען פאָרגעקומען פאַר אייערע אויגען, און די בילדער פערפאָלגען אייך לאַנג נאָך דעם וויא איהר האָט דעם בוך אַוועקגעלייגט פון האַנד און האָט שוין לאַנג פערגעסען אין'ם פערפאַסער'ס מוסר־השכל. און דאָך איז אין'ם גאַנצען בוך דאָ בלויז איין ווירק־ליך־טראַגישער מאָמענט. דאָס איז די סצענע וואו יורגעס פערליערט דעם דזשאַב אין דער האַרוועסטער פעקטאָרי. דיזער מאָמענט איז פון'ם פערפאַסער געמאָהלט מיט שטילע פאַר־בען, כמעט אַזוי וויא פערבייגעהענדיג, און וויי־ניגע לעזער וועלען זיך אויף איהם לאַנג אָב־שטעלען. דיזע סצענע ווירקט ניט אויפריי־סענד, זיא רופט ניט ארויס קיין כעס און ניט קיין טרעהרען, זיא ווירקט ערדריקענד, פערניכ־טענד. עכט, ריין, טראַגיש.

די גריכען האָבען אויפגעפאַסט דאָס טראַ־גישע אַלס אַ קאַמפף צווישען דעם מענשען און זיין שיקזאַל, צווישען דעם שוואַכען שטערבלי־כען מענשען און די אונגעהייערע קרעפטען, וועלכע רעגיערען די וועלט. אין דיזען קאַמפף איז דער מענש אימער געבליבען דער בעזיעג־טער, ווייל ניט נור זיינען די קרעפטען מיט וועלכע ער האָט געהאַט צו קעמפפען אונגעהייער גרויס, זאָנדערן אויך און הויפּטזעכליך, ווייל זיי האָבען ניט קיין מענשליכע געפיהלען, פיהלען ניט און קענען ניט פיהלען קיין רחמנות צו זייערע קרבנות. אין דער מאָדערן אינדיווידואַ־ליסטישער ליטעראַטור ווערט דאָס טראַגישע אויפגעפאַסט אַלס אַן אינערליכער קאַמפף אין דער מענשליכער זעעלע צווישען צוויי נייגונ־גען אָדער געפיהלען. אין דיזען אינערליכען קאַמפף אין וועלכען קיינע פון די קעמפפענדע קרעפטע איז שטאַרק גענוג צו ערלאַנגען אַן ענט־שיידענדען זיעג, געהט דער מענש אונטער. מיר האָבען שוין פריהער בעמערקט דאָס אין'ם „דזשאָנגל" זיינען ניטאָ קיין העלדען־אינדיווי־דואַליטעטען. דאָס טראַגישע אין'ם מאָדערן־אינדיווידואַליסטישען זינן איז דאַרום נאַטירליך אויסגעשלאָסען, דאָס טראַגישע אין דער אַלט־גריכישער אויפפאַסונג איז אויך אונמעגליך זאָ לאַנג וויא דער קאַמפף פון די אַרבייטער ווערט פאָרגעשטעלט אַלס אַ קאַמפף פון פּערזאָנען, זאָ לאַנג וויא די אומגליקען און צרות, וועלכע דער אַרבייטער האָט אויסצושטעהען זיינען, אָדער זעהען אויס וויא זיי וואָלטען געוועזען, דער רעזולטאַט פון מענשליכען קאַפּריז, ליידענ־שאַפט אָדער שלעכטקייט. דאָס טראַגישע ענט־האַלט אין זיך דעם עלעמענט פון האָפנונגס־לאָזיגקייט. זאָ לאַנג וויא דער קאַמפף איז צוויי־שען מענש און מענש קען דער קאַמפף ניט זיין אַבזאָלוט האָפנונגסלאָז, די קרעפטע זיינען ניט אַזוי ערדריקענד איבערוויגענד אויף דער איינער זייט און די אונטערדריקענדע מאַכט איז ניט פריי פון מענשליכע שוואַכען, איז ניט אונצוגענגליך צו מענשליכע געפיהלען. דערפאַר זיינען די ערגרייפענדע מאָמענטען, וועלכע מיר האָבען דערמאָנט בלויז פּאַטהעטיש, ניט טראַגיש.

גאַנץ אַנדערש אָבער איז דאָס בילד וויא יורגעס בלייבט אָהן ארבייט נאכדעם וויא דער „הארוועסטער טראָסט" שליסט צו די פעקטאָרי. דער הארוועסטער טראָסט איז אַ „מאָדעל עמ־פּלאָיער" און זיין פעקטאָרי אַ „מאָדעל פעק־טאָרי". דיא ארבייטס־שטונדען זיינען מענשלי־כע, דיא סאַניטערע אומשטענדען פון דער פעק־טאָרי זיינע מענשליכע, דיא בעהאַנדלונג פון די ארבייטער איז אַ מענשליכע. ווען יורגעס איז אָנגעקומען ארבייטען אויף דער פעקטאָרי פון'ם הארוועסטער טראָסט האָט ער געדענקט אז ער איז אריינגעפאלען אין אַ גן־עדן. און פּלוצלים טרייבט מען איהם פון דיזען גן־עדן אַרויס, און אָהן אַ פּארוואָס! ניט נור האָט ער גאָר ניט געזינדיגט, זאָנדערן קיינער האָט געגען איהם אויך ניט געזינדיגט. קיינער, קיין מענש, איז ניט שולדיג אין דעם וואָס ער איז געבליבען אָהן ארבייט און איז ווידער אריינגעשליידערט גע־וואָרען אין'ם שרעקליכען אָבגרונד פון וועלכען ער האָט געדענקט דאָס ער איז שוין אויף אי־מער ארויס. זיינע בעלי־בתים האָבען געטהאָן אַלעס וואָס זיי האָבען געקענט און וואָס מען מען קען פון זיי ערווארטען. דיא מאכט, וועלכע האָט איהם איצט אריינגעשליידערט אין טיעפען אבגרונד איז ניט קיין מענשליכע, זאָנדערן אַן איבערמענשליכע, העכערע מאכט, מיט וועלכעס קיין מענשליכע קראַפט קען ניט קעמפּפען, וועל־כע ווייס ניט פון קיין רחמנות, וועמעס פּאַר־שריפטען זיינען אונפערענדבאר, אַ מאכט, וועל־כע איז אין אַלעמען עהנליך צו דעם „שיקזאַל" פון דיא גריכישע טראַגעדיען. אַ מאכט מיט וועלכער יעדער מענשליכער קאמפף איז אין פאָראויס ענטשיעדען, אַבזאָלוט האָפנונגסלאָז, ניט נור ווייל אַ זיעג פאר דער מענשליכער איז ניט וואהרשיינליך, זאָנדערן ווייל ער איז אבזאָלוט אונמעגליך, אונדענקבאר וויא דער זיעג איבערן טויט, איבער דיא עוויגע געזעצע פון דער נאַטור.

דיזער „שיקזאַל" פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער געזעלשאַפט, דער אימאַנענטער ווידער־שפּרוך צווישען דיא פּראָדוקטיוו־קרעפטע און פּראָדוקציאָנס־פערהעלטניסע וויא מען רופט עס אין דער „דאָקטרינערער" שפּראַך פון דיא מאַרקסיסטען, דער ווידערשפּרוך, וועלכער פיהרט צו איבערפּראָדוקציאָן, און דארום צו ארבייטס־לאָזיגקייט, אָהן דער שולד פון אירגענד וועלכען מענשען, אָט דיזער שיקזאַל איז דער עכט טראַ־גישער מאָמענט אין דער קאַפּיטאַליסטישער גע־זעלשאַפט, און אָט דיזער מאָמענט קומט ארויס ריין און אונבעדעקט מיט אירגענד וועלכע פער־זענליכע מאָמענטען ווען יורגעס פערליערט דיזען דזשאָב אין דער הארוועסטער פעקטאָרי. עס איז צו בעדויערען וואָס גראדע דיזער מאָמענט איז ביי סינקלייר'ן ניט ארויסגעקומען אזוי רייכ־פארביג, אזוי קרעפטיג וויא פיעלע אנדערע מינ־דערווערטיגע מאָמענטען. דיזעס און אנדערע אומשטענדען מאכען דעם איינדרוק דאָס סינק־לייר'ס „בעוואוסטזיין", זיין דענק - פערמעגען, איז ניט אזוי טיעף וויא זיין קינסטלערישעס פערמעגען. זיין קינסטלער־אויג זעהט טיעף, אָבער זיין בעוואוסטע דענק־קראַפט איז ניט שטאַרק גענוג אום צו ברייגנען אין דער ריכ־טיגער אָרדנונג אַלעס וואָס ער זעהט. דיזעס ווערק גיט אָבער צו דערזעלבער צייט האָפנונגען דאָס דיזע זייט פון זיין טאלאנט וועט זיך נאָך ענטוויקלען, און דאָס ער וועט אימשטאנדע זיין פּאָרצולייגען אין ז'ער ריכטיגער בעצייכנונג און אין דער ריכטיגער פערספּעקטיווע אַלעס וואָס זיין מעכטיגעס קינסטלערישעס אויג זעהט אזוי קלאָהר, אזוי דייטליך, און אזוי דורכדרינגענד.

דער שוואכסטער טהייל פון'ם בוך איז דיא בעשרייבונג וויא אזוי יורגעס ווערט אַ סאָציאַ־ליסט און וואָס עס פּאסירט מיט איהם, אָדער ריכטיגער וויא ער לעבט און וואָס ער פיהלט נאכהער, ווייל נאָך סינקלייר'ס בעשרייבונגען קומט אויס דאָס נאכדעם וויא ער ווערט אַ סאָ־ציאַליסט הערען איבערהויפּט אַלע „פּאַסירונ־גען" אויף. דער לעצטער טהייל פון בוך מאכט דעם איינדרוק דאָס ווען אַן ארבייטער ווערט אַ סאָציאַליסט דאן הערען אַלע זיינע צרות אויף, אָבוואָהל דער לעזער זעהט ניט דייטליך ווארום. פערשווינדען דאן דיא צרות גופא? אָדער ווירקט פיעלייכט דאָס גלויבען אין'ם סאָציאַליסטישען אידעאַל וויא דאָס גלויבען אין „קריסטשען סייענס"? זיעגט דער ארבייטער דען איבער דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט מאַטעריעל ? אָדער זיעגט ער איבער איהר גייסטיג דורך אס־קעטיזמוס ? אָדער אפשר אנטלויפט ער גאָר פון איהר אין אַן אוטאָפּיע? אויף דיזע אַלע פראַגען איז אין'ם בוך קיין אנטוואָרט ניטאָ. אָבוואָהל פון יורגעס'ס פערזענליכען שיקזאַל, זיין עקאָ־נאָמישע פערזאָרגונג דורך דעם וואָס ער קריגט אַ שטעלע ביי אַ סאָציאַליסט, קען מען פיעלייכט שליסען אויף אַן אוטאָפּיע. איבערהויפּט קומט ביי סינקלייר'ן דער כאראַקטער פון דער סאָציאַ־ליסטישער בעוועגונג ארויס זעהר שוואך און טומאַנע. עס וואָלט פּונקט אזוי גוט געקענט זיין אירגענד וועלכע „קריסטליכע" אָדער איבער־הויפּט רעליגיעזע בעוועגונג. אַלעס וואָס אין'ם בוך קומט אַרויס איז דער ענטהוזיאזמוס, אָבער דאָס איז ניט קיין אייגענשאַפט, וועלכע געהערט בלויז דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג.

דאָס איז אָבער ניט סינקלייר'ס שולד. סינקלייר קען בלויז דיא אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע בעוועגונג. דיזע בעוועגונג פאַנגט זיך ערשט יעצט אָן, און זיא שפּיעלט נאָך דערווייל ניט קיין ראָלע אין'ם לעבען פון דער אַמעריקאַנער ארבייטער־קלאַסע. דיא בעוועגונג האָט נאָך ניט אַריינגעטרעטען אין'ם אַקטיווען פאַזעס פון איהר ענטוויקלונג. זיא קעמפּפט נאָך ניט קיין קעמפּפע, זיא גרייט זיך ערשט צום קאַמפּף. איהר ענטהוזיאַזמוס איז נאָך ניט איבערגעגאַנגען אין קיינע טהאַטען. דיא צייט ווען קינסטלער וועלען קענען בעשרייבען דיזע ארבייטער בעוועגונג אַלס זאַלכע, דאָס הייסט אַלס מאַסענבעוועגונג, איז נאָך ניט געקומען. מען קען ניט פערלאַנגען פון סינקלייר'ן ער זאָל מאָהלען דאָס וואָס עס עקזיסטירט ניט, אָבער מיר מעגען איהם ראַטהען ער זאָל זיך ניט נעהמען טהאָן ארבייט, וועלכע ניט ער און ניט קיין אַנדערער קען דערווײלע טהאָן. סינקלייר'ס ארבייט, און דיא ארבייט פון אַלע ריכטיגע קינסטלער איז צו מאָהלען דערווייל דעם קאַפּיטאַליזמוס ביז דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג וועט ווערען א טהעטיגע קראַפט אין'ם אַלטעגליכען אַמעריקאַנער לעבען. דאַן וועט זיין צייט גענוג צ שרייבען „סאָציאַליסטישע" ראָמאַנען. דערווייל קענען מיר זיין גאַנץ צופריעדען מיט סינקלייר'ס „קאַפּיטאַליסטישען" ראָמאַן. און דיזען וואָלט זעהר ווייניג געשאַדעט ווען דער „סאָציאַליסטישער" טהייל וואָלט גאַנץ געפעהלט. איבריגענס, קען דיזער טהייל פון'ם בוך גאַנץ אויסעראַכטגעלאָזט ווערען אין אַ ווירדיגונג פון דיזען ווירקליך מערקווירדיגען בוך.



ארבייטער בעוועגונג און סאציאל־דעמאקראטיע אין דער שווייץ.

פון א. מירקין.

1. קאַפּיטאַליזמוס און סאָציאַליזמוס אין דער שווייץ.

אין דיא אַלטע צייטען האָבען זיך 7 גריעכישע שטעדט געריסען צווישען זיך, ווייל יעדע האָט גע'טענה'ט, אַז נאָר ביי איהר איז געבאָרען געוואָרען דער בעריהמטער גריכישער דיכטער האָמער, היינט רייסען זיך אַלע אייראָפּעאישע לענדער, ווייל יעדע טענה'ט, אַז נ י ט ביי איהר, נאָר ביי דער אַנדערער איז געבאָרען געוואָרען — דער סאָציאַליזמוס. מען קען בשום אופן ניט דערגעהן פון דער בורזשואַזי, פון וואַנען ער שטאַמט. פרעגט מען זיך צום ביישפּיעל ביי דער דייטשער, אפשר האָט זיא געטאָהן דיא עבירה, הויבט זיא זיך אָן צו שווערען, אַז זיא איז אונשולדיג, זיא ווייס ניט פון קיין בייז צו זאָגען: דעם תכשיט'ל האָט מען איהר צוגעשאַפּט פון פראַנקרייך. געהט מען צו פראַנקרייך, מאַכט זיא: ווייסט, ווי קומט אייך גאָר אויף דעם זינען אַזאַ זאַך? טאַקי, אין דיא יונגע יאָהרען בין איך געווען עטוואָס לייכטזיננינג, האָב זיך געפיהרט אָפּט ניט וויא עס דאַרף צו זיין — אָבער פאָלגען האָט עס גאָט צו דאַנקען ניט געהאַט. איז דאָך אפשר אַ סברה, אַז דער סאָציאַליזמוס שטאַמט פון דער פרייער שווייץ? אַזאַ שייגעץ פיהלט זיך דאָך אין דער פרייהייט, וויא א פיש אין וואַסער; אָבער דיא שווייצאַרישע בורזשואַזיע מאַכט כלומערשט אַ פּנים פון אַ שאינו יודע לשאול; זיא פערשטעהט גאָר נישט, וואָס עס הייסט קלאַסענקאַמפּף, קלאַסענגעגענזאַץ א. ז. וו. ביי איהר אין דער שווייץ, איז דער אַרטיקעל נישטאָ. פרעגט מען איהר, טאָ וואָס זאָל בעדייטען דער פאַקט, אַז אין דער שווייץ איז דאָ אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, מסתמא איז דאָך יע דאָ קלאַסענקאַמפּף און קלאַסענגעגענזאַץ? ענטפערט זיא: דאָס איז גאָר נישט קיין ראיה, עס איז דאָ ביי אונז וויא איבעראַל מענשען, וואָס דאַרפען נאָכטאָהן אַלעס, וואָס אַנדערע טהוען, אָבער אַזוינע מענשען זיינען ביי אונז דאָ גאָט צו דאַנקען, זעהר ווייניג, עס גיט זיך זיי נישט איין, צו צוטהיילען אונזער פאָלק אין 2 פיינדליכע קלאַסען. "מיר זיינען אַ פאָלק פון ברידער, און ווילען אונז ניט שיידען אין קיין נויטה און געפאַהר„ וויא אַ שווייצאַרישע פּאָלקס־ליעד זאָגט.

ווען דאָס וואָלט געווען ריכטיג, דאַן וואָלט מען געקומען אין דער שווייץ ניט נאָר בעוואונדערן איהרע שעהנע בערג מיט דיא פּראַכטפאָללע לאַנדשאַפטען, און אונזער איינער אַ ס—ד., וואָלט נישט נאָר געקומען אהער אום צו זיין זיכער פאר פערפאָלגונגען, מען וואָלט געקומען אויך בעוואונדערן דיא שעהנע סאָציאַלע אידילליע. צום אונגליק איז דיא שעהנע אידילליע שוין נישטאָ, אויב זיא איז נאָר אַ־ בערהויפּט אַ מאָל געווען אין דער ווירקליכקייט, און ניט נאָר אין דער פאַנטאַזיע פון סענטימענטאַלע היסטאָריקער און דיכטער. דיא שווייץ איז יעצט אַ קאַפּיטאַליסטישע לאַנד, אָדער אַ "אינדוסטרי־לאַנד„ וויא עס זאָגט דער בורזשואַ, ווען דער וואָרט "קאַפּיטאַליסטיש„ איז צוליעב זעהר פיעל אורזאַכען אונבעקוועם. דיא רעוואָלוציאָן פון 1848 יאָהר, וואָס האָט פון דיא 25 קאַנטאָנען און קאַנטאָנטשיקעס געמאַכט איין צענטראַליזירטען שטאַאַט, האָט געמאַכט א פרייען וועג אויף פאַר'ן קאַפּיטאַליזמוס.

טאָמער איז אָבער דער שווייצאַרישער קאַפּיטאַליזמוס נישט גאָר אַנדערש איידער דער קאַפּיטאַליזמוס פון אנדערע לענדער? טאָמער איז דער שווייצאַרישער קאַפּיטאַליזמוס אַ קאַפּיטאַליזמוס אָהן קלאַסען, אָהן קלאַסענקאַמפּף און קלאַסענגעגענזאַץ, אָהן מאַססען־אַרמוטה, אָהן פּראָלעטאַריאַט? אונזער צוועק איז איי־ גענטליך ניט פיהרען אַ פּאָלעמיק מיט דער בורזשואַזיע, צי איז דאָ אָדער צי עס איז ניטאָ אַ קאַפּיטאַליזמוס אין דער שווייץ, אונזער צוועק איז שילדערן דיא ענטוויקלונג פון דער שווייצאַרישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. דאָס וועט זיין נאָך אונזער מיינונג דער בעסטער בעוויז, אַז אין דער שווייץ איז יע דאָ אַ קאַפּיטאַליזמוס מיט קלאַסענקאַמפּף, מיט מאַסענפּראָלעטאַריזאַציאָן און מאַססען אַרמוט

א. ז. וו. אָבער אַלס איינפיהרונג ערלויבען מיר אונז צו ברייננען 2 פאקטען, איינעם פון דיא יונגע יאָהרען פון דעם שווייצארישען קאַפּיטאַליזמוס, דעם אנדערן פון דער לעצטער צייט, און דיא פאקטען וועלען אונז בעווייזען, וויא וויניג דער שווייצארישער קאַפּיטאַליזמוס אונטערשיידעט זיך פון דעם קאַפּיטאַליזמוס פון דיא אַנדערע לענדער, וויא וויניג נאַציאָנאַל און וויא ווייט אינטערנאַציאָנאַל ער איז.

אין יאָהר 1831 דערלאַנגען דיא האַנדוועבער פון דער צוריכער קאַנטאָן אַ ביטעשריפט צו דער רעגיערונג, אין וועלכער זיי בעטען: מען זאָל ניט דערלאָזען איינפיהרען דיא וועב־מאַשינען, כל זמן דער פּערדיענסט, וואָס איז שוין יעצט גרינג, איז נאָך ניט אין גאַנצען ארויסגעריסען געוואָרען פון זייערע הענד, כל־זמן דיא מאַסען מענשען זיינען נאָך ניט געצוואונגען צו ארבייטען וויא שקלאַפען פאר אַ קליינעם לאָהן, און נאכהער, ווען עס איז נישטאָ וואָס צו פערדיענען, מוזען זיי געהן גנב'ענען, ווערען ארעסטירט, איינגעשפּאַרט און הארט בעשטראַפט, אָדער גאָר הינגעריכטעט, וויא עס איז געשעהען אין ענגלאַנד." אַט האָט איהר דאָ אַ קאַפּיטאַליזמוס מיט מאַסען פּראָלעטאריזאציאָן, מאַססען־ארמוטה, קריזיסען, ארבייטסלאָזיגקייט א. ז. וו.

אויף זייער ביטע־שריפט האָבען דיא האַנד וועבער קיין שום תשובה נישט געקראָגען. אין איין שעהנעם פריהמאָרגען האָבען זיך דיא וועבער אַ נעהם געטאָהן און האָבען פערברענט דיא גרעסטע פאבריק, אין וועלכער זיי האָבען געזעהען איהר גרעסטען פיינד. דאָס האָט נאַטירליך נישט געהאָלפען; אנשטאַט איין פאבריק זיינען אויסגעבויט געוואָרען צעהן אנדערע, פון הונדערטער פּראָלעטאריער זיינען געוואָרען טויזענדער און צעהנדליגער טויזענדער, וואָס זיינען אויסגעבייטעט געוואָרען אויף דעם שרעקליכסטען אופן. עס זיינען אוועק 7 יאָהרצעהנטע און אין דער שווייץ איז געקומען אזוי ווייט, אַז אין יאָהר 1900 האָט אין דער שווייצארישער נאַציאָנאַלער פערזאַמלונג (פּאַרלאַמענט) איינער פון איהרע מיטגליעדער וועמען זיין ערגסטער שונא אפילו וועט ניט חושד זיין אז ער סימפּאַטהיזירט מיט דיא סאָציאַליסטען, געמוזט מודה זיין, אַז „אונזער פּראָלעטאַריאַט וואַקסט מיט ערשרעקענדער שנעלקייט. דער קאַפּיטאַל קלייבט אָן אונרעהערטע (ד. ה. אונערהערטע פאר דער שווייץ) סומען. דער פּאָרטשריט דעם קאַפּיטאַליזמוס איז גלייך דער אַרמוט דער מאַססען."

דער זעלבער רעדנער אָבער און זיינעם גלייכען טענה'ן ביי אנדערע געלעגענהייטען, אַז „אין דער שווייץ זיינען ניטאָ קיינע קלאַססען" א. ז. וו. וויא קענען זיי זיך מאַכען אזוי נאַריש? ווייל אין דער שווייץ איז נאָך עד היום ניטאָ קיין שטאַרקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. ווייל דיא פּאַרטיי האָט ערשט אין דיא לעצטע יאָהרען אָנגעהויבען שפּיעלען אַ ראָלע. פריהער האָט זיא כמעט קיין שום בעדייטונג ניט געהאַט. איז דאָך פון דאַנען אַ ראיה, — זאָגט דער בורזשואַ, — אַז דער סאָציאַליזמוס קלעפּט זיך צו דער שווייץ וויא אַן ארבעס צו דער וואַנד. פאר איהם איז דאָס אַ „ראיה", פאר אונז אָבער איז פון דאַנען ווענינ „געדרונגען."

מיר מוזען זוכען אנדערע אורזאַכען, וואָס זאָלען אונז ערקלערען דיא שוואַכע ענטוויקלונג דער שווייצארישען ס—ד. פּ. דיא שווייץ איז נאָך ניט קיין קאַפּיטאַליסטיש־הויך ענטוויקעלטע לאַנד וויא ענגלאַנד, אַמעריקאַ און דייטשלאַנד. עס זיינען דאָרט פאַראַן פערהעלטניסמעסיג וויניג אינדוסטריעלע צענטרען. אין אַ שווייצארישען סאָציאַל־פּאָליטישען זשורנאַל פון 1899 לעזען מיר: „ביי דער לעצטער פאָלקס־צעהלונג האָבען 54 געמיינדען געהאַט איבער 5000 איינוואָהנער, 659 האָבען געהאַט 1000—5000 איינוואָהנער און 2472 האָבען געהאַט אונטער 1000. דיא 15 גרעסטע שטעדט האָבען געהאַט צוזאַמען 480,388 איינוואָהנער, אַלזאָ אין דורכשניט אונגעפעהר 32,026 אויף איין שטאָדט אָבוואָהל דער צופלוס פון דיא דערפער אין דיא שטעדט, וואָס איז שטענדיג געוועזען שטאַרק, איז געוואָרען אין די לעצטע צייט פון יאָהר צו יאָהר שטאַרקער. ווייל דיא שווייץ האָט וויניג שטיין־קוילען, מוזען אַ סך פאַבריקען געגרינדעט ווערען נעבען וואַסער־קוועללען. דאָס דערלאָזט ניט זיי זיך קאָנצענטרירען אין איין אָרט און שטערט די בילדונג פון אינדוסטריעלע פונקטען. דיא פאַבריק־ארבייטער זיינען דאָרטען פערמישט מיט דער לאַנד־בעפעלקערונג און בעשעפטיגען זיך אין דער פרייער צייט מיט לאַנד־ארבייט. אָדער האָבען, וויינינסטענס, אַ שטיקעל ערד אַלס אייגענטהום. צווישען זיי איז נאַטירליך שווערער צו פיהרען אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ, וויא צווישען דיא גרויס־שטעדטישע ארבייטער. ניט גלאַט אין דער וועלט אריין האָט גערעדט אַ קאַפּיטאַליסטישע צייטונג, ווען זיא האָט פאָרגעלייגט דיא קאַפּיטאַליסטען זיך צוריקציהען אויף דאָס לאַנד: דאָרטען וועלען דיא ארבייטער זיין זיכער פאר דעם איינפלוס פון דיא בייזע אַגיטאַטאָרען, סאָציאַליסטען וכדומה — זאָגט דיא צייטונג. אין דיא אינדוסטריעלע פונקטען אָבער, וויא ציריך, בערן, ווינטערטור

א. ז. וו. וואו דער קאַפּיטאַליזמוס איז שטאַרק ענטוויקעלט, טרעפען מיר אַ שטאַרקע סאָציאַ־ליסטישע בעוועגונג. און דער קאַפּיטאַליזמוס ענטוויקעלט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער; ער דרינגט אַריין אין דיא פערבאָרגענסטע ווינקע־לאַך. דיא צאָהל פון דיא, וועלכע ווערען פון איהם געמאכט פאר פּראָלעטאַריער ווערט אַלס גרעסער. נאָך מעהר מענשען ווערען פון קאַפּיטאַליזמוס אין אַזאַ לאַגע געבראַכט, אַז זיי אונטערשיידען זיך ווייניג פון פּראָלעטאַריער. דער מהלך צווישען דיא קלאַסען ווערט אַלס ווייטער. דיא קליינע בורזשואזי, דער מיטעל־שטאַנד, וואָס איז דיא האָפנונג פון אַלע "אָרד־נונגס־ליעבער„ הערט זיך ניט אויף צו בעקלאָ־גען אַז דער קאַפּיטאַליזמוס רואינירט זיי, אַז זיי קענען ניט אויסהאַלטען זיין קאָנקורענץ. און ועל כולם קומען נאָך דיא אַרבייטער מיט זייערע סטרייקען, פאָדערן העכערן לאָהן, קיר־צערע אַרבייטס צייט און מאַכען נאָך שווערער דיא קאָנקורענץ. דעריבער איז דער קליינביר־גער אַ שונא בנפש דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען וואָס רייצען דיא אַרבייטער אויף.

דיא פריי־זינניגע פּאַרטיי, דיא פּאַרטיי פון מיטעלשטאַנד (זיא האָט אפילו ליעב צו זאָגען, אַז זיא איז דיא פאָרשטעהערין פון דעם גאַנצען פאָלק, אָבער דאָס מוז זיא צוגעבען, אַז איהר הויפּט שטיצע איז דער מיטעלשטאַנד) טרייסט זיך וועגען דעם טרויעריגען פאַקט מיט דער האָפנונג, אַז דער מיטעלשטאַנד וועט דאָך ניט פערשווינדען; אַנשטאָט דיא פערשוואונדענע עלעמענטען, קומען נייע אָן: סוחרים, בעאַמטע, קרעמערס א. ז. וו. מיט איין וואָרט דאָס איז אַ מין היה, הוה ויהיה. און דאַן לייגען זיי דיא האָפנונג אויף דיא לאַנד־ווירטהשאַפט: דאָרטען וועט דאָך דער מיטעלשטאַנד קיין מאָל ניט פערשווינדען; דיזען סאָלידען פונדאַמענט פון דער איצטיגער אָרדנונג וועלען דאָך דיא סאָצי־אַליסטען ניט קענען צערשטערען מיט זייערע פראַזען פון קאָנצענטראַציאָן, פּראָלעטאַריזאַ־ציאָן וכדומה.

אָבער באמת פיהלען דיא בויערן אויך אויף זיך דיא שווערע האַנד פון דעם קאַפּיטאַ־ליזמוס. עס פעהלט אַרבייטער אין דער לאַנד־ווירטהשאַפט, ווייל זיי ווערען אָבגעצויגען אין דיא גרויסע שטעדט, וואו מען צאָהלט בעסער, וואָס בעסער עס ווערען דיא אַרבייטס־בעדינ־גונגען, צוליעב געלונגענע סטרייקס אַלץ מעהר ציהען דיא אַרבייטער אַרויס פון דיא דערפער אין דיא שטעדט. דעריבער איז דער בויער ניט קיין גרויסער אַרבייטער פריינד; ער שרייט, זיי זיינען צולאָזען, ווילען ניט אַרבייטען, נאָר סטרייקען; און כל חמתו לאָזט ער אויס צו דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען. אָבער דער בויער איז אין פיעלע ערטער אַליין ניט מעהר וויא אַ לוין שקלאַף פון דעם קאַפּיטאַליזמוס. ער מוז זוכען זייטיגע אַרבייט, כדי צו זיין אימשטאַנד צו צאָהלען דיא צינזען; אָדער ער מוז עמיגרירען פון זיין טהייערער, ליעבער, ליעבער, פרייער שווייץ, פאר וועמען זיינע טאַטעס און זיידעס האָבען פערגאָסען זייער בלוט. און דערפאַר טאַ־קי רעקרוטירט דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון דער מאַסע, וואָס שאַרט זיך אַרום דיא פריי־זינ־ניגע פּאַרטיי, אַנהענגער פאר איהרע אידעען. לאַנגזאַם, זעהר לאַנגזאַם געהט דער פּראָצעס, ווייל לאַנגזאַם צופאַלען דיא אַלטע פערהעלט־ניסע, דיא אַלטע פּאַטריאַרכאַלע אָרדנונג. לאַנגזאַם פערשווינדען דיא אַלטע טראַדיציאָ־נען אין דיא פאָלקס־מאַססען... און דיא רעגיע־רענדע קלאַסען זיינען דיא טראַדיציאָנען און גע־ראַדע דיא בעסטע לאַנג פערשוואונדען. דער אַלטער פרייער רעפּובליקאַנישער שווייצער גייסט, דיא אַלטע איינפאַכהייט. — ווער עס וויל דאָס זעהען זעהט עס. און ווער עס וויל זיך ניט אָבנאַרען, דער מוז צוגעבען, אַז גאַנץ רעכט האָט געהאַט אַ פריי־זינניגער פיהרער, וועלכער האָט געשריבען וועגען זיין פּאַרטיי: "זינט דיא עקאָנאָמישע און סאָציאַ־לע פראַגען האָבען אָנגעהויבען צו שפּיעלען אַ גרעסערע ראָלע, האָט זיך אַ טהייל פון אונזער פּאַרטיי אָנגעהויבען צו בעוועגען נאָך לינקס„.

דיעזער טהייל וואָס האָט זיך אָבגעריסען פון דער פריי־זינניגער פּאַרטיי און ערווייטערט זיך אַלס מעהר פון איהר זיינען דיא אַרבייטער. זייער צאָהל וואַקסט. און עס ענטוויקעלט זיך און עס ווערט קלאָרער זייער קלאַסענבעוואוסט־זיין מיט דער ענטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַ־ליזמוס. דיא פריי־זינניגע פּאַרטיי בעמיהט זיך אפילו מיט אַלע איהרע קרעפטען אויפצוהאַל־טען דיזע בעוועגונג. זיא נעהמט אויף פערשיע־דענע עקאָנאָמישע פאָדערונגען אין איהר פּראָ־גראַם. זיא ערווייטערט דיא פאָדערונגען, אי־בערהויפּט וועהרענד דיא וואַהלען. זיא וויל איינרעדען דיא אַרבייטער, אַז זיא עקזיסטירט בלויז פיר זיי, זיא דערמאָהנט זיי דיא אַמאָלי־גע יאָהרען, ווען אַלע, ביי וועמען עס איז געווען טהייער דער פּראָגרעס האָבען געקעמפט מו־טהיג געגען דער רעאַקציאָן. דיא אַרבייטער זע־העןאָבער איין, אַז דאָס זיינען בלויז דבורים: כל זמן דיא פריי־זינניגע פּאַרטיי, דיא הערשענ־דע אין לאַנד, האָט געהאַט דיא מאַכט און קיין געפאַהר האָט איהר ניט געדראָהט, האָט זיא זיך ווייניג געקימערט וועגען דיא אַרבייטער.

נאָר איצט, ווען אין קאַן שטעהט זייער הערשאַפט, זיינען דיא פרייזינניגע געוואָרען אזוי „פרום“ און ארבייטער־פריינדליך. א בירגערליכער דעמאָקראַט זאָגט אין דער שווייצארישער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג אין 1901: “איך בין ניט קיין סאָציאַל־דעמאָקראַט, אָבער איך מוז צוגעבען, אַז דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אַ נאָטווענדיגער פאַקטאָר אין דער ענטוויקלונג פון אונזער לאַנד. ווער האָט אויפגעוועקט דיא בירגערליכע פאַרטייען צו זאָרגען וועגען דיא ארבייטער? ווייזט מיר איין זאַך, איבער וועלכע מען האָט דעבאַטירט אין פאַרלאַמענט, וואָס דיא סאָציאַל־דעמאַקראַטען זאָלען ניט געבען דעם שטויס דערצו?“

צו האָט דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געהאַט גליק דערביי, צו האָט דיא נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג ערפילט דיא פאָדערונגען פון דער ס. ד. — דאָס איז אַן אנדער פראַגע. אין 1894 יאָהר איז צ. ב. דורכגעפאַלען אַ פאָרשלאַג פון דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען וועגען איינפיהרען דעם 10־שטונדען ארבייטס טאָג; אַ תירוץ איז: „אויסלאַנד האָט נאָך ניט פאַר דיא ארבייטער אַ צעהנטען חלק געטאָהן, וואָס דיא שווייץ טהוט. מען וועט אַלזאָ ניט קענען אויסהאַלטען דיא קאָנקורענץ.“

תירוצים פעהלט דער בורזשואַזיע קיינמאָל ניט. מטהר צו זיין איהרע שרצים געפינט זיא ק"ן טעמים. אָבער דער פאַקט בלייבט דאָך, אַז מיט איהר עקזיסטענץ האָט דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי אין דער שווייץ אַ געוויסען איינפלוס אויף דיא איבעריגע פאַרטייען און שטופּט צו ביסלעכווייס פאָרווערטס דעם סאָציאַל־פּאָליטישען פאָרטשריט פון דער שווייץ.

.2

דער גריטלי פעראיין און דיא סאָציאַליסטישע פאַרטיי.

דיא געשיכטע פון דעם גריטלי־פעראיין, דעם גרעסטען און פּאָפּולערסטען ארבייטער־פעראיין אין דער שווייץ, ווייזט אונז וויא דיא בורזשואַזיע פערליערט מיט דער צייט איהר איינפלוס אויף דיא ארבייטער מאַסען, וויא דיזע געהען ביסלעכווייז אריבער צו דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע.

דער גריטלי פעראיין איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1838, אין זשענעוואַ פון ארבייטער וועלכע זיינען געקומען פון דער דייטשער שווייץ. דער צוועק פון פעראיין איז געווען אַ גאַנץ אונשולדיגער: בילדונג און גייסטליכע ענטוויקלונג. מען פלעגט זיך צונויפקומען צוזאַמען, לעזען, לערנען, זינגען, טאַנצען א. ז. וו. מיט פּאָליטיק האָט מען זיך אין פעראיין וויניג אינטערעסירט. דאָס פּאָליטישע לעבען איז געווען דאַמאָלס שוואַך ענטוויקעלט. דיא רעאַקציאָן — שטאַרק. דיא בעסטע זאַך איז געווען האַלטען מויל און זיך ניט מישען אין “פרעמדע„ זאַכען. דיא בורזשואַזי איז אָבער געוואָרען אַלץ מעכטיגער און מעכטיגער. איהרע אינטערעסען האָבען פערלאַנגט אַ צענטראַליזירטען שטאַאַט, דיא אָפּשאַפונג פון דיא פּריווילעגיעס פון דיא אַריסטאָקראַטען, וועלכע האָבען בעטראַכטעט דיא קאַנטאָנען אַלס זייערע מאַיאָנטקעס און דיא איינוואָהנער אַלס זייערע אונטערטהאַנען. פרייהייט פאַר דיא עקספּלאָאַטאַציאָן, גלייכהייט פאַר דיא עקספּלאָאַטאָרען איז געוואָרען אַזוי נויטיג פאַר דיא ענטוויקלונג פון דער שווייצאַרישער בורזשואַזי וויא פאַר דיא פראַנצויזישע און דיא דייטשע. 7 קאַנטאָנען — דיא רעאַקציאָנערסטע — האָבען ניט געוואָלט אריינטרעטען אין דעם בונד פון דיא שווייצאַרישע קאַנטאָנען און האָבען געבילדעט אַ בעזונדערען בונד וועמעס צוועק עס איז געווען צו פערטהיידיגען דיא אַלטע אָרדנונג געגען דיא רעוואָלוציאָן. דיא רעוואָלוציאָן האָט אָבער געזיעגט, אפילו אין מיליטער־זאַכען, אין דעם געביעט, וואָס דיא פעאָדאַלע אַריסטאָקראַטי האָט בעטראַכטעט אַלס איהר מאַיאָנטעק, האָט זיך דיא בורזשואַזיע ארויסגעוויזען שטאַרקער. דיעזער קאַמפף האָט וויא ביי אַלע בורזשואַזע רעוואָלוציאָנען געטראָגען דעם הויכען טיטעל: פרייהייטס־קאַמפף.

דאָס וואָרט פרייהייט בעגייסטערט מיליאָנען און אָבער מיליאָנען מענשען. די געבילדעטע מענשען און בירגער פון דעם גרילטי־פעראיין זיינען אויך געוואָרען בעגייסטערט און מיט התלהבות האָבען זיי זיך געוואָרפען אין קאַמפף. דיא פּראָגראַם פון פעראיין איז געוואָרען געענדערט: ניט נאָר בילדונג איז זיין צוועק, ער דאַרף אונטערשטיצען דיא שטרעבונגען פון דער פרייזינניגער בורזשואַזי מיט וואָרט און טהאַט — ער איז אַלזאָ געוואָרען אַ פּאָליטישער פרייזינניגער פעראיין. עקאָנאָמישע פראַגען אינטערעסירען דעם פעראיין אָבער נאָך אַלץ ניט, כאָטש דער גרעסטער טהייל בעשטעהט פון ארבייטער. אָבער דאָס זיינען קיינע פאַבריק־ארבייטער, נאָר בלויז האַנדווערקער און ארבייטער ביי דיא האַנדווערקער. דער געגענזאַץ צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט האָט פיר זיי ניט עקזיסטירט; דער היינטיגער ארבייטער קען דאָך מאָרגען ווערען אַליין אַ מייסטער; זאָל ער נאָר זיין פלייסיג און פערשטעהן גוט זיין זאַך — איז זיין עקזיסטענץ געזיכערט! אין

דיא סטאטוטען פון דעם פעראיין פון 1872 יאהר שטעהט דאס טאקי במפורש: דער ארבייטער דארף נאָר מאָראַליש און טעכניש געבילדעט זיין — דאן איז דיא סאָציאַלע פראגע געלעזט. דער איינציגער מיטעל איז אַלזאָ בילדונג; און זייער לייזונג איז: דורך בילדונג צו פרייהייט.

דער קאפּיטאַליזמוס צושטערט אָבער אזוי פיעל חלומות. ער האט צושטערט אויך דעם חלום. אין דיא 70 יאָהרען האט א טהייל פון דיא מיטגליעדער אָנגעהויבען צו פאָדערן, אז מען זאָל זיך אָבטהיילען פון דער בורזשואזי און גרינדען אַן אייגענע פּאַרטיי, ווייל „דיא ארבייטער האָבען אַנדערע אינטערעסען איידער דיא בורזשואזיע" זיך אָבזונדערן פון דער בורזשואזי האט אָבער געהייסען — בילדען א סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. אָדער, ווייל אין 1873 יאָהר איז שוין געגרינדעט געוואָרען א סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, דער „ארבייטער־בונד", צו וועלכען עס האָבען געהערט אַלע סאָציאַליסטישע ארבייטער, סאַי שווייצערישע, סאַי אויסלענדישע — האט מען זיך געדארפט אַלזאָ פעראייניגען מיט דעם „בונד". דאס האט מען ניט געקענט ערווארטען פון דעם פעראיין, וואָס האט אין 1872 יאָהר אויסגעדריקט אין א רעזאָלוציאָן זיינע „ענטריסטונג איבער דיא גרוילטהאטען פון דער פּאַריזער קאָממונע." עס האָבען זיך אָנגעהויבען רייסערייען צווישען דיא „נאַציאָנאַלע" און „סאָציאַלע", אָדער „אינטערנאַציאָנאַלע" מיטגליעדער פון דעם פעראיין. דעם מאָל האָבען געזיעגט דיא „נאַציאָנאַלע". אויסערליך איז דער פעראיין „געראטעוועט" געוואָרען; ער איז געבליבען א ריין בורזשואזנער פעראיין מיט א בורזשואזנער פּראָגראם. דער איננערער קאמפּף צווישען דיא נייע און דיא אלטע אידעען האט זיך אָבער געצויגען ווייטער און דיא לעצטע האָבען געמוזט ביסלעכוויז וויכען.

ווען דער „ארבייטער בונד" האט אָנגעהויבען אין 1875 יאָהר אַן אגיטאַציאָן פיר דעם 10 שטונדיגען נאָרמאַלען ארבייטס־טאָג, זיינען דיא פיהרער פון דעם פעראיין געווען דאגעגען. זיי האָבען געזאָגט, אז עס איז ניט דיא זאַך פון דעם שטאאט זיך אריינצומישען צווישען דיא ארבייטער און דיא פאבריקאנטען. דאס הייסט שטערען דיא פרייע קאָנקורענץ. דיא בורזשואזי איז געווען בעגייסטערט פאר אזא מין פרייהייט; ווארום אַלס דער עקאָנאָמיש שטארקערער צד, האט זיך געהאט דעם גרעסטען נוצען פון דער נייטראַליטעט פון דעם שטאאט. דיא מיטגליעדער פון דעם פעראיין זיינען אָבער ניט געווען איינפערשטאנדען מיט זייערע פיהרער און האָבען מיט אַלע קרעפטען אונטערשטיצט דיא אגיטאציאָן פיר די געזעצליכע איינפיהרונג פון דעם 10־שטונדיגען נאָרמאַל ארבייטס־טאָג.

אין דער בורזשואזיע האט דיזע אגיטאַציאָן געפונען כמעט דורכאויס געגנער. זיא האָט ניט געוואָלט וויסען פון קיין שום נאָרמאַלען ארבייטס טאָג ניט פון קיין 10 שטונדיגען און ניט אפילו פון קיין 11 שטונדיגען. (דיא ארבייטער האָבען שוין נאכהער געפאָדערט נור 11 שטונדען). דיא פאַבריקאנטען האָבען געסטראשעט, אז זיי וועלען פערמאכען דיא פאַבריקען; עס בלייבט זיי, האט עס געהייסען, קיין אנדער מיטעל ניט. זיי וועלען בדלות ווערען א. ז. וו. מיט צרות און מיט מיה איז געלונגען דורכצופיהרען דעם געזעטץ דורך א פאָלקסשטימונג מיט 182,000 יא, געגען 170,000 ניין.

נאטירליך, האָבען דיא ארבייטער מיט אייגענע קרעפטען ניט געזיעגט. זיי האָבען געהאט א סך „פריינד" פון בורזשואזנעם לאגער. אָבער פריינד אמת'ע, וואס ווילען ווירקליך פערבעסערען דיא לאגע פון דעם פּראָלעטאַריאַט, האָבען זיי געהאט ווייניג, דאס זיינען געווען דיא קאָנסערוואטיווע, וואס האָבען געשטימט פיר דעם געזעץ, כדי זיך נוקם צו זיין אָן דער פערהאסטעטער ליבעראַלער בורזשואזי. דאס זיינען געווען פרייזיננינגע פּאָליטיקער, וואס האָבען מורא געהאט פאר דער סאָציאַליסטישער קאָנקורענץ.

דיא סאָציאַליסטישע פּראָפּאגאנדע האט אָבער ניט געקענט, וויא עס שיינט, שעפּען נייע קרעפטען פון דיזען צוזאמענשטויס פון דיא בורזשואזנע און פּראָלעטארישע אינטערעסען. דער „ארבייטער בונד" איז צופאלען געוואָרען אין יאָהר 1880. דער גריטלי האט אָבער געדייעט. דיא בורזשואזי האט געשעפּט פון איהם נחת. אביסעל סאָציאַליסטען זיינען אפילו יא געבליבען און ליידיג זיינען זיי אויך ניט געזעסען; מען האט געשריבען, געדרוקט, געמאכט צוזאמענפאָהרען, און ענדליך איז אין 1888טען יאָהר געגרינדעט געוואָרען א שווייצערישע ס. ד. פּ. און עס איז פערעפענטליכט געוואָרען איהר פּראָגראם. דיזע פּראָגראם איז געווען א גרויסער פאָרטשריט געגען די פּראָגראמען פון די פריהערדיגע סאָציאַליסטישע גרופּען, אייך פון דעם „ארבייטער בונד". אלס מיטעל צור פערווירקליכונג פון דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל ווערען ניט בעטראכטעט דיא פּראָדוקטיווע גענאָסענשאפטען. ניין, דיא גאנצע קאפּיטאליסטישע ווירטשאפט דארף ווערען אייגענטהום

פון דעם שטאַאט, אין וועלכען דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף האָבען די מאַכט. דאָס איז דער איינציגער וועג צור פערווירקליכונג פון סאָציאַליזמוס, און אויף דעם וועג מוז יעדע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געהן. אויסער דעם פאָדערט די פּאַרטיי אויך, אַז דאָס רעכט אויף אַרבייט זאָל אויפגענומען ווערען אין די קאָנסטיטוציאָן: ד. ה. די רעגיערונג זאָל זיך פערפּפליכטען צו פערשאַפען יעדען בירגער אַרבייט.

שוואַך און קליין איז געווען די פּאַרטיי. זי האָט געהאַט נור איינינע הונדערט אַנהענגער און די בורזשואַזי האָט חוזק געמאַכט פון איהר און פון איהרע פאָדערונגען. די בורזשואַזי האָט ניט געוואוסט, אַז זי דאַרף צושטעלען דער נייער פּאַרטיי אַלס מעהר און מעהר מיטגליעדער: ערשטענס אַרבייטער, וואָס זיינען פריהער געשטאַנען אונטער איהר איינפלוס און אין וועלכע עס איז ערוואַכט געוואָרען דער קלאַסענבעוואוסטזיין; און צווייטענס די, וואָס ווערען פון קאַפּיטאַליזמוס געמאַכט פאַר פּראָלעטאַריער.

5 יאָהר שפּעטער, אין יאָהר 1893, האָט זיך דער גריטלי פעראיין איינער פון די הויפּטשטיטצען פון דער פריייזינניגער בורזשואַזי, געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטי. דאָס איז נאָך ניט געווען אַלץ, דער גריטלי פעראיין האָט געדאַרפט טאָן דעם לעצטען שריט און בילדען מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איין פּאַרטיי. דאַצו איז נאָך דאַן ניט געקומען די צייט, הערפאַר האָט מען נאָך מורא געהאַט; די צייט האָט געדאַרפט ווייזען, וויא נויטיג אַזאַ מין פעראייניגונג איז. זי האָט געדאַרפט מיט איהר אייזערנעם בעזים אויסקעהרען די פּאַראורטהיילע, וועלכע האָבען נאָך געשטעקט ביי אַ סך גריטליאַנער. די בורזשואַזיע איז געווען אויסער זיך: וואָס הייסט, דער אַלטער ליעבער נאַציאָנאַלער גריטלי פעראיין איז אַריבער צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, צו די „רויטע אינטערנאַציאָנאַלען“, צו די „פאַטערלאַנדסלאָזע געזעללען!“ זי קען דאָס בשום אופן ניט בעגרייפען! דאָס איז איהר מעשה שטן, כשוף! אַז דער גריטלי איז געוואָרען פון אַ פעראיין מיט אינדיווידועלל־קולטורעללע צוועקען אַ פריייזינניגער — דאָס קען זי גאַנץ גוט בעגרייפען. דאָס קומט איהר אויס גאַנץ נאַטירליך. ער זאָל זיך אָבער ענטוויקלען ווייטער צו אַ סאָציאַליסטישען — דאָס איז אונערהערט! מיט איהר, מיינט זי, ענדיגט זיך די וועלט.

אַזוי קומט איהר גאַנץ נאַטירליך פאָר, דאָס די אַבסאָלוטיסטיש פעאָדאַלע אָרדנונג מוז געענדערט ווערען אין אַ קאָנסטיטוציאָנעל־בורזשואַזנע אָרדנונג אָבער זאָל איבערגעהן אין אַ סאָציאַליסטישע דאָס וויל זי בשום אופן ניט צוגעבען. מען דאַרף גאָר ניט טראַכטען וועגען דעם, מען דאַרף גאָר ניט ווינשען קיין בעסערע אָרדנונג, בפרט ניט וועלען דאָס איינפיהרען מיט געוואַלט! אַלעס, וואָס פיהרט צו אַ בירגערליכער אָרדנונג, הייסט נאַטירליכע ענטוויקלונג, עוואָלוציאָן; אַלעס, וואָס פיהרט אָבער פון אַ בירגערליכער אָרדנונג צו אַן אַנדערער — הייסט געוואַלט, קאַטאַסטראָפע, רעוואָלוציאָן „רעאַקציאָן“ (וויא די פריייזינניגע פּאַרטיי פון דער שטאָדט בערן זאָגט צו איהרע וועהלער: „לאָמיר קעמפּפען מיט דער ר ע אַ ק צ י אָ ן פון רעכט און ל י נ ק ס.“)

אַ קליינער טרייסט, אָבער טאַקי אַ גאַנץ קליינער, פיר די בורזשואַזי איז געווען דאָס נאָכדעם, וויא דער פעראיין האָט זיך געשטעלט אויף דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישען שטאַנדפּונקט, איז די צאָהל פון זיינע מיטגילעדער געוואָרען עטוואָס קלענער, אַ בעווייז פאַר איהר, אַז עס זיינען נאָך געבליבען דאָרטען „עהרליכע לייט“, אַז נאָך ניט אַלע זיינען „פערגיפטעט געוואָרען פון דעם סאָציאַליזמוס“. דער גריטלי אָבער האָט ניט געהאַט וואָס זיי צו בעדויערן: ער האָט פערלאָרען מענשען, וואָס האָבען זיך שוין ניט געקענט צופּאַסען צו די נייע בעדינגונגען און זיי וואָלטען געווען נאָר אַ שטערונג. עס זיינען אויך אַרויסגעטראָטען אַזעלכע, וועלכע זיינען אַריין ניט אויס סימפּאַטיע מיט דער אַרבייטער זאַכע, נאָר כדי צו האַלטען די אַרבייטער אונטער דעם איינפלוס פון ליבעראַליזמוס.

(שלום פּאָלגט).

טראַסט אין דיא אייזענבאַהנען.

דיא פעראייניגונג פון דיא אייזענבאַהנען אין אַמעריקאַ איז ניט צוגעגאַנגען אָהן ביטערע קאָנפליקטען. אַזוי לאַנג ווי יעדע אייזענבאַהן האָט זיך איינע מיט דיא צווייטע ניט אָנגעקעהרט איז נאָך צווישען זיי צו קיין שטרייט ניט געקומען. ווען אָבער זייער מאַכט איז אויסגעברייטעט געוואָרען זיינען זיי געקומען אין קאָנפליקט.

דער אונטערשיד צווישען די בערזען מלחמות, אָדער דיא שלאַכטען פון מיליאָנען, וויא דיא אַמעריקאַנער רופען כאַראַקטעריסטיש דיא קעמפּפע פון דיא פינאַנציעלע ריעזען, און דיא אַלטמאָדישע מלחמות פון דיא אייראָפּעאישע קעניגע איז נור דער, וואָס די ערשטע ווערן ניט אויסגעקעמפּפט דורך ביקס און פּולווער. דאָך זיינען זיי ניט וועניגער ערנסט. עס שטעהט דערביי אין קאָן די הערשאַפט איבער פיעל גרעסערע שטרעקען לאַנד, ווי אייניגע קעניגרייכען פון דער אַלטער וועלט, מיט מעהר אַבסאָלוטע קאָנטראָלע איבער די בעוואוינער פון דיזע שטרעקען וויא וועלכער עס איז קעניג „פון גאָט'ס גנאַדען“ האָט איבער זיינע אונטערטהאַנען.

דער „נאָרטהערען פּאַסיפיק קאָרנער“, וועלכער האָט אין מאַי פון 1901 באַלד געבראַכט אַ פּאַניק אין דיא פינאַנציעלע צענטרען פון דער וועלט, דורך דער שלאַכט צווישען דזש. פּיערפּאָנט מאָרגאַן, און דזשייקאָב שיף — דיא צוויי מעכטיגסטע פיגורען אויף וואָלל סטריט, איז אַ גוטער ביישפּיעל פון אַזעלכע מלחמות. דער פריעדענס אָפּמאַך נאָך דיזען שטרייט אילוסטרירט דריטע מעטהאָדע פון אייזענבאַהן פעראייניגונג, וועלכע איז יעצט אין דער מאָדע און וועלכע איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „דער קאָמיוניטי אָוו אינטערעסט“, אָדער געמיינשאַפטליכקייט פון אינטערעסען.

דזש. פּ. מאָרגאַן, וועלכער צוזאַמען מיט דזש. דזש. הילל, קאָנטראָלירט די „נאָרטהערען“ אייזענבאַהן, און דזשייקאָב שיף, דער הויפּט פון דער באַנק פירמאַ קוהן, לאָעב, ענד קאָמפּאַניע, וועלכער, צוזאַמען מיט ע. ה. העררימאַן, קאָנטראָלירט דיא „יוניאָן פּאַסיפיק“ אייזענבאַהן, האָבען ביידע געוואָלט בעקומען דיא קאָנטראָלע איבער דיא „נאָרטהערען פּאַסיפיק“ ליניע. אַלע דיזע דריי אייזענבאַהנען לויפען פּאַראַלעל פון דעם טייך מיסיסיפּי ביז צו דעם פּאַסיפישען ברעג. דיא „נאָרטהערען פּאַסיפיק“ ליעגט אין מיטען צווישען דיא ערשטע צוויי און איז דאַרום אימשטאַנדע צו קאָנקורירען מיט זיי ביידע. ווען אָבער עס האָט זיך נאָך אַ הייסער שלאַכט אויף דער בערזע ארויסגעוויעזען, אַז ניט שיף און ניט מאָרגאַן וועלען קענען בעקומען קאָנטראָלע איבער דער קאָנקורירענדער אייזענבאַהן, און אַז אַ פאָרטזעצונג פון דעם קאַמפּף וואָלט פעראורזאַכט אַ קראַך אין דער פינאַנציעלער וועלט, האָבען דיזע צוויי מאַגנאַטען געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס, לויט וועלכען דיא קאָנטראָלע איבער דער „נאָרטהערען פּאַסיפיק“ איז איבערגעגאַנגען אין דיא הענד פון זיי ביידע. ביידע שטרייטענדע צדדים האָבען בעקומען גרויסע טהיילען אַקציעס פון דיעזער אייזענבאַהן, און דיא פערטרעטער פון דער מאָרגאַן—הילל גרופּע און פון דער שיף—הערימאַן גרופּע זיינען ערוועהלט געוואָרען אַלס איהרע דירעקטאָרען.

אויף אַזאַ אופן זיינען דיא פריהעריגע דריי קאָנקורירענדע אייזענבאַהנען געוואָרען פעראייניגט, ניט דורך אַבסאָלוטען בעזיץ, זאָנדערן דורך אַ פערבינדונג געגרינדעט אויף געמיינשאַפטליכען בעזיץ, אָדער וויא וואָלל סטריט רופט דאָס „דורך אַ געמיינשאַפטליכקייט פון אינטערעסען“.

דיא געמיינשאַפטליכקייט פון אינטערעסען איז יעצט איינגעפיהרט געוואָרען אין עטליכע אַנדערע אייזענבאַהנען, און בעצייכענט אַ נייע שטופּע אין דעם פּראָצעס פון פעראייניגונג, נעמליך דאָס צוזאַמענשמעלצען פון גרויסע אונאַבהענגיגע אייזענבאַהנען סיסטעמען אין אַ ריעזען קאָמבינאַציאָן, וועלכע נעהמט אַרום דיא גאַנצע אייזענבאַהן סיסטעם פון לאַנד.

פון דיא 212,000 אייזענבאַהן מייל, וואָס זיינען בעטריעבען געוואָרען אין יאָהר 1904, זיינען דיא פאָלגענדע געווען ענטוועדער דאָס אייגענטהום, אָדער אונטער דער קאָנטראָלע פון דיא מעכטיגסטע אייזענבאַהן קעניגע פון דיא פעראייניגטע שטאַאַטען:

1. דיא וואַנדערבילט גרופּע (דיא „ניו יאָרק סענטראַל“ און איהרע פערבונדענע ליניעס) — — — — — — — 21,000 מייל.
2. די פּענסילווייניא גרופּע 17,000 מייל.
3. דיא מאָרגאַן—הילל גרופּע און דיא גרופּע וואָס איז קאָנטראָלירט פון מאָרגאַן — — — — — — — — — 48,000 מייל.

4. שיף העררימאן — — 16,000 מייל.
5. גולד — — — — — — 17,000 מייל.
6. מאור — — — — — — 14,000 מייל.
7. פענסילוו. וואנדערבילט 4,000 מייל.

צוזאמען — — — — — — — 139,000 מייל.

מיר זעהן דארום, אז פראקטיש געפינען זיך 2 דריטעל פון דער גאנצער אייזענבאהן סיסטעם פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, — א לענג וואס איז גלייך צו דער פעראייניגטער לענג פון אלע אייזענבאהנען פון רוסלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך אונגארען, פראנקרייך, ענגלאנד און איירלאנד — אונטער דער אבסאלוטער קאנטראלע פון זעקס גרויסע מעכטע פון דער פינאנציעלער וועלט. דיא איבעריגע אייזענבאהנען זיינען טהיילווייז אין דיא הענד פון איינינגע קלענערע מעכטע און טהיילווייז בעשטעהען זיי פון קליינע „פיטערער,“ צו וועלכע דיא גרויסע מעכטע האבען נאך דערווייל קיין צייט ניט געהאט צו שענקען אויפמערקזאמקייט.

דערביי איז כדאי צו בעמערקען, אז יעדע פון דיא אויבענדערמאהנטע גרויסע מעכטע בעזיצט א גרויסע צאהל אקציאן (הגם ניט קיין מאיאריטעט) פון די קלענערע אייזענבאהנען אויך. דיא ציפערען וואס זיינען פריהער אנגעגעבען, ווייזען אן דאס פעלד, אין וועלכע יעדע מאכט איז אם מעכטיגסטען. אבער אין דער אמת׳ן איז צווישען זיי דא א פיעל נעהנטערע פערבינדונג וויא מען קען שליעסען פון יענער טאבעלע. כמעט יעדע פון דיא אייזענבאהן מעכטע האט א קלענערע אדער גרעסערע טהייל אין דיא ליניען פון דער צווייטער. א ביישפיעל דערצו קען מען געפינען אין דיא הארט־קאהלען אייזענבאהנען. דיא לעזער פון דיעזען זשורנאל דארפען דערמיט זיי בעקאנט דורך דעם גרויסען מיינער סטרייק פון דעם יאהר 1902.

וויא עס איז גוט בעוואוסט ליגט די הארטע קאהלען אינדוסטריע אין גאנצען אין דיא הענד פון 4 אייזענבאהנען, וועלכע געהן דורך די געגענדען פון די הארטע קאהלען גרובען. דיזע אייזענבאהנען זיינען: די „פילאדעלפיא ענד רעדינג,“ דיא „דעלוועיר, לעקעוועניע ענד וועסטערן,„ דיא „ליהאי וועללי“ און דיא „איריע“. אלע דיעזע ליניעס זיינען דאס אייגענטהום און ווערען קאנטראלירט פון דיא וואנדערבילט — פענסילווייניא — מארגאן אינטערעסען.

דורך דער סיסטעם פון קאנטראלירען איין אייזענבאהן דורך א צווייטער זיינען דיא גרויסע פינאנציערען פון דיא פעראייניגטע שטאאטען געפאלען אויף א פלאן, וויא אזוי אויסצושפרייטען זייער קאנטראלע איבער ריעזען שטרעקען לאנד און גרויסע רייכטהימער, ניט דארפענדיג דערביי אויסלעגען פיעל קאפיטאל. דיעזער קונץ ווערט אזוי געמאכט: לאמיר זאגען, אז עס זיינען דא פינף אייזענבאהן סיסטעמען, פון וועלכע א) איז קאפיטאליזירט אויף הונדערט מיליאן דאלאר, ב) אויף 75 מיליאן, ג) אויף 50, ד) אויף 25 און ה) אויף 10, וואס דאס מאכט צוזאמען 260 מיליאן דאלאר. א פינאנציער וויא מארגאן מיט איניגע פון זיינע פריינד קענען בעזיצען פאר 51 מיליאן דאלאר אקציעס אין אייזענבאהן א). בעזיצענדיג א מאיאריטעט אקציעס האט ער א מאיאריטעט שטימען אין דיא וואהלען פאר דירעקטארען, און דורך דעם קאנטראלירט ער דיא אייזענבאהן אין גאנצען, גלייך זיא וואלט אויסשליעסליך געהערט צו איהם און צו זיינע פריינד. יעצט פאנגען זיי אן ארייצוכאפען דיא איבריגע 4 אייזענבאהנען ניט ארייןלייגענדיג אין דעם אן איינציגען סענט.

צוערשט פאנגט מען אן א קאמפף געגען דער אייזענבאהן ב). מיט די געלד פון דער קאסע פון אייזענבאהן א) קויפט מען אויף דיא בערזע א גרויסע צאהל אקציעס פון דער ב) אייזענבאהן. דורך דעם איז מען דארט פערטראטען אין דער דירעקטארען קערפערשאפט. דאן, דורך אונטערהאנדלונגען, סטראשונקעס צו קאנקוריען, אדער דורך גוטע פערשפרעכונגען בעוועגט מען די בעלי הבתים פון אייזענבאהן ב), זיי זאלען זיך פעראייניגען מיט אייזענבאהן א). די אקציאנערען פון קאמפאניע ב) דארפען דאן דער קאמפאניע א) פערקויפען פאר 38 מיליאן דאלאר אקציעס, דאס הייסט גענוג, אז אייזענבאהן א) זאל זיא קענען קאנטראלירען. באארעס געלד דארף מען דערצו זעהר ווייניג, ווייל די אקציאנערען פון אייזענבאהן ב) זיינען דאן העכסט צופריעדען אויסצובייטען זייערע אקציעס אויף דיא אקציעס פון אייזענבאהן א).

דיעזעלבע פאליטיק ווערט דאן געפיהרט מיט אייזענבאהן ג), און דערנאך מיט ד) און ה). מיט יעדער נייער ערָאבערונג געהט צו דער פראצעס פון איינשלינגען א נייע אייזענבאהן לייכטער. אויף אזא אופן קאנטראלירען אונזערע פינאנסירען אבסאלוט מיט 51 מיליאן דאל. אייזענבאהנען וואס זיינען ווערטה 260 מיליאן דאלאר, מיט דערזעלבער זיכערהייט גלייך ווי זיי וואלטען אין זיי ארייגעלעגט דיא גאנצע סומע.

אויף דיעזען אופן איז דאס אין יאהר 1901 געמאכט געווארען דיא 400 מיליאן דאלאר קאמבינאציאן, דורך וועלכע מארגאן — היל און שיף — העררימאן האבען געזאלט ארייננעהמען אין זייערע הענד דיא גרויסע אייזענבאהן סיסטעמען פון דער וועסט, — אייזענבאהנען וואס וואלטען זיי געגעבען אן אונבעשרענקטע מאכט

בלייכער יונגערמאן, אנגעשפארט אויף זיינע ביידע צוזאמענגעדריקטע הענט און האט מ[illegible] נע גרויסע אויגען, אין וועלכע עס האט וויא א כמארנער שטייבעל געפינקעלט — געקוקט גלייך פאר זיך. עס האט זיך אויסגעדאכט, אז ער באר רעכענט עפעס וואס.

צווישען איז געשטאנען אן אייזערנע צובוי־גענע וויגעלע אין וועלכע אויף קישאלאך מיט קויטיגע ציכלאך בעצויגען, איז געלעגען א יאהריג קינד. נעבען איז געשטאנען א הויכע, שעהנע טיעף פערצווייפעלטע יונגע פרוי, און מיט דער רעכטער האנט אראבגעטריעבען דיא פליגען פון קינד, [illegible] און מיט'ן גראבען פינגער פון דער לינקער האנט זיך שטארק געקראצט אין קאפ כאטש עס האט זיא ניט געביסען.

זיא איז געשטאנען און קיין אויג ניט אראפגעלאזען פון קינד. זיא האט פארזיכטיג געהיט זיין יעדער בעוועגונג און מינעלע. איהר פנים האט זיך ציטערנווייז געקרימט וויא פון גרויס שמערץ. און ווען דאס קינד האט אנגע־הויבען דרייען מיט'ן קעפעלע, זוכען מיט דיא פערטריקענטע ליפעלאך, האט יעדעס מאל דיא מוטער זיך א ווילדען ווארף געטהאן גלייך מיט טויזענדער נאדלען וואלט מען שטעכען איהר לייב, און מיט א מידען פון וויינען, הייזעריגען קול האט זיא אויסגעשריען: א, וועה איז מיר! א, ווינד איז מיר! וואס וועט דאס זיין, איך'ל באלד מישוגע ווערען...

איהרע רייד זיינען געוועזען הייס, פלאמענד, דאך האבען זיי זיך אבגעשלאגען אין דער פינ־סטערניס פרעמד, האפנונגסלאז, וויא א טויטער גליך באלט, [illegible]. און א שטיל־טרויעריגער קול ענטפערט איהר אפ:

— ברײנדעל, בעדענק זיך, זיי נישט קיין נאר, ס'איז דאך שוין באלד טאג....

— און וואס וועט זיין פארטאג! טהוט זיך דערשראקען א כאפ דיא מוטער, וויא פון א הייסען אייזען — האסטו אפילו א גראשען אויף מילך?

— אבער פארט ביי טאג.....

— וואס ביי טאג? ווען ביי טאג? ! האט צארנדיג אנגעהויבען ציטערן דער מוטער'ס קול — וועה איז צו זיין מאמען!... איהר שטימע האט זיך אנגעהויבען איבעררייסען, ווערען אלע מאל טויבער. וויא פון אונטער דער ערד, וויא פון ערגיץ זעהר ווייט האט זיא זיך דערטראגען און נאכדעם איז זיא גאר אין גאנצען פערשלונגען געווארען און מישונה'דיג האסטיגע בעוועגונגען פון דער מוטער'ס קערפער. . .

— שטיל, בריינדעל, דאס קינד איז אנט־שלאפען געווארען...

דיא מוטער האט זיך אונגלויבליך א הויב געטאן צום וויגעלע. — „לעבען מיינער, היות מיינער, דער מאמען זאל זיין פאר דיינע ביינער, דער מערדערין....

— ש־ש־ש[illegible]...

— דו, ווייסט מאטעל — וויינט דער מו־טער'ס קול צוטראגען־נור א ביסעל לינדערער — אז נעסעצקע איז געשטארבען צו פיער חדשים איז איהר א סך בעסער וויא חיים'לען אצונד...

— ש־ש־ש־ש־ש־ש־ש־ש: רייד נישט קיין נארישקייט — קלינגט א בעליידיגט, פערשעמ־טער קול, ס'איז נאך דא ערגערס, מען זאל ניט זינדיגען מיט דיא רייד.

— וואס קען נאך זיין ערגער? נאך ער־גער... וואס הייסט שוין נאך ערגער?....

— געה צו צום קינד, גיכער, דאס קינד ווארפט זיך....

ה־ה־ה־ה־ל־ל־י־נ־י — צושרייט זיך דאס קינד. דיא מוטער בויגט זיך צו דעם קינד, שפארט איהם אריין איהר בלייכע ליפ אין מויל. דאס שלעפעריגע קינד זאפט זיך דורשטיג איין און ווען עס געהט דורך א פאר מינוטען און עס זויגט פון דארטען גאר נישט ארויס, פערגעהט דאס זיך אין א היסטעריש געוויין.

דיא מוטער כאפט דאס קינד ארויס פון ווי־געלע, לויפט מיט איהם אויף דיא הענט ארום איבער'ן חדר און שילט זיך זעלבסט מיט שווי־דערליכע קללות.

דער מאן בעמערקט אז זיא איז שוין מיעד פון ארומלויפען, און געהט צו איהר צו און וויל זיא איבערבייטען.

„אוועק!" טוט זיא אויף איהם מיט גאל א געשריי.

ער איז מודה אין הארצען אז זיא איז גערעכט און מיט א ציטערנדיג הארץ פאר מורא, אז דאס קינד זאל זיך ניט אויפכאפען פון איהר געשריי, רוקט ער זיך אב אן א זייט און קוקט מיט אנגסט נאך דיא ווייב.

דאס קינד ווערט אנדרעמעלט. דיא מוטער לייגט עס מיט גרויס פארזיכטיגקייט אריין אין וויגעלע, בלייבט שטעהן לעבען איהם און קוקט מיט וועה פאר זיך...

עס ליגט אב א פאר מינוט און הויבט ווי־דער אן זוכען מיט דיא ליפעלאך, דרייען מיט'ן קעפעלע אין אלע זייטען און א שוואכער פיש־טשען וויא פון א בלינד קעצעלע דרייט זיך וויא אן עגבער ארויס פון דעם קינדס טרוקענעם מויל און עס לעכערט דיא פער'סם'טע לופט ארויס.

דער מוטער׳ס אויגען ווערען נאָך רויטער וויא דעם קינד׳ס. זיא הויבט אָן וואַרפען מוראַדיג גליהענדע בליקען, און אַ שאַרפע, פערגיפטעטע קללה רייסט זיך אַרויס פון איהר אָנגעוועהטאָגטע האַרץ: — אוי אַ טוידט זאָל אויף מיר אָנקומען, אַז איך זאָל שוין פּטור ווערען פון מיין לעבען!...

דעם קינד׳ס פּישצען גרילצט ערגער. עס דרייט און גראָבט זיך אַריין אַליץ טיעפער. אפילו אין אַלע כלים און אין אַלע זאַכען וואָס שטעהען אין שטוב וואָרצעלט דאָס זיך אַריין....

— וואָס שווייגסטו? פֿינסטערער טאַטקא! וואָס זאָל איך מיט איהם טהאָן?!....

דער מאַן טהוט אַ ציטער. זיינע אויגען ווערען גרויס און צושראָקען און דאָס האַרץ שפּרינגט וויא צום אָברייסען זיך...

דיא מוטער נעמט ווידער דאָס פּלעטעל מיט׳ן קאַלטען ביסעל טהיי, טראָגט דאָס צו צום קינד׳ס ליפּען. עס ווערט אויף אַ רגע שטיל, און נאָכדעם טהוט דאָס זיך אַ וואָרף נאָך מיט גרעסערע קולות, נאָך מיט אַ שניידענדערען, דורכדרינגענדערן וועה געשריי.

דער פאָטער מאַכט אַ שפּאַן צום קינד צו, נור ער בלייבט שטעהן. ער קען דאָך ביי זיך נישט פּועל׳ן צו געהן: „וואָס וועט ער איהם העלפען?...

ער שטעהט מיט אַ פערקרימטען פּנים און שנייט איבער מיט דיא ציין אַלע שוואַכע טענער וואָס רייסען זיך אַרויס פון קינד׳ס העלזעלע. ער וואָלט זיי וועלען איינזאַפּען, איינשלינגען אין זיך, אַבי עס זאָל אויפהערען וויינען...

דאָס קינד, וויא עס וואָלט פיהלען דעם פּאָטערס [illegible], שמעריץ, ווערט אַ ביסעל רוהיגער און באַלד ווערט עס אין גאַנצען אַנטשוויגען.

ס׳שלאָפט...

— אַזוינע מערדער, דיין טאַטע־מאַמע. — רעדט דיא מוטער פאַר זיך — נישט אָנגרייטען אפילו קיין קאַפּעצקע מילך! אַליין, אַז מען עסט ניט, איז גאָר נישט, אָבער דעם קינד!...

זיא ווערט מיעד אַרומגעהענדיג, און זעצט זיך צו אויפ׳ן בעט.

— לייג זיך צו, ברייגדעל! — בעט זיא דער מאַן — איך׳ל אַליין אַכטונג געבען אויפ׳ן קינד.

„אַוועק פון מיר!“ — טהוט זיא זיך אַ בייזער, — האָב אויף מיר קיין רחמנות ניט! קוק אַהין אָ.... ווייזט זיא איהם מיט׳ן קאָפּ אויפ׳ן וויגעלע.

— דו ווייסט דאָך ברייגדעל אַז איך בין געוועזען אומעדום און האָב אין ערגעץ קיין גראָשען ניט געקענט קריגען, ווער זאָל זיך געוועזען ריכטען אויף אַזאַ צרה, אַז איך׳ל אין ערגעץ קיין גראָשען ניט בעקומען... מיר האָבען דאָך אויך ניט געגעסען....

„דו האָסט נישט געקראָגען, ווייל דו האָסט ניט געוואָלט!“ נאָר באַלד האָט זיא חרטה אויף איהרע רייד, טהוט אַ קוק אויף איהם מיט אַ שמערצליכער ליעבשאַפט, שפּאַרט זיך אָן אויפ׳ן בעט, זאָגענדיג דערביי פאַר זיך: — אָ, ווען גאָט זאָל העלפען א[illegible]ר זאָל אַזוי כאָטש אָבשלאָפען ביז טאָג!

דער פרוי׳ס רייד האָבען מאָטלען דורכגעשטאָכען. ס׳איז איהם, געוועזען אַ סך גרינגער און אַנגענעהמער, ווען זיא האָט איהם געמאַכט פאָרווירפע, געזידעלט. און ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען שטילערהייט צום קינד מיט׳ן געדאַנק דאָס כסדר וויגען, וועט עס זיכער שלאָפען.

קיין זאַך האָט איהם אַצינד ניט געאַרט, ניט זיין הונגער ניט דער פרוי׳ס און אפילו ניט דעם קינד׳ס, ער האָט נאָר געוואָלט איין זאַך אַז דאָס קינד זאָל אויפהערען וויינען...

שטעהענדיג איז זיין פּנים געוואָרען אַלע מאָל פינסטערער, דאָס האַרץ געפּרעסטער און אַ גרויסער פייער, געמישט פון צאָרן, האַס, רחמנות און בעליידיגונג, האָט אָנגעהויבען ברענען אין זיינע אויגען. דער פייער איז געוואָרען אַליץ גרעסער, דיא אויגען פולער, זיינע פּלייצעס האָבען אָנגעהויבען ציטערן און ער האָט ניט געקענט אין זיך איינהאַלטען דעם שטיקענדיגען געוויין... און משונה׳דיגע, שוידערליך משונה׳דיגע קולות האָבען זיך אַרויסגעריסען פון זיין האַלז.

פון שרעק האָט זיך דאָס קינד אויפגעכאַפּט מיט אַן אונגעווייינליכען געשריי.

— גזלן! גזלן! האָט פערלאָרען, צוטראָגען געשריען דיא, נאָר וואָס פון רעיונות ערוואַכטע, מוטער — וואָס האָסטו געטאָהן דעם קינד?!...

אָבער אין איהר אייגענעם געשריי האָט זיא באַלד דערהערט אַן ענטפער אַז ער האָט איהם קיין בייז געטאָן. זיא האָט איהם אָנגעהויבען בעטראַכטען, בעקוקען, און האָט איינגעזעהען זיינע פיבערדיגע אַקסלען, און האָט דערהערט זיין שרעקליכען שלוכצען און זיין גרויסען עלענד האָט זיא באַלד דערפיהלט....

זיא איז אַ ווייַלע געבליבען שטעהן און מיט צומישטע בליקען געקוקט אין דער שרעקליך פערצווייפעלטער פּיין, וועלכע האָט מוראַדיג אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגען.

אַן אונבעקאַנטע קראַפט, אַ [illegible] [illegible] האָט צוזאַמענגעגאָסען איהר האַרץ מיט זיינעם. איהרע גליעדער האָבען אָנגעהויבען שווי־דערען, דיא ליפּען ציטערן. אַ שטראָם האָט פון דיא אויגען אַ רעגען געטהאָן בעגלייט מיט אַ ביטערן יאָמער. און שטאַרק און טרויעריג האָט געציטערט איהר קול בעת זיא האָט צו איהם גערעדט: טייערער מיינער, פאַרגיב מיר, דיא נאַר. וואָס האָב איך נאָך צו דיר? וואָס ביסטו דען שולדיג, אַז ס'איז שלעכט? ס'איז דיר נאָך קאַרג אַזוי?....

ער האָט איהר גאָר נישט געענטפערט, וויא ניט צו איהם וואָלט זיא רעדען. און זיין מי־דער פּנים דורכלעבענדען בליק האָט אַלין פער־צווייפעלט געקוקט אין דער אונענדליך טיעפער בלייערנער אָרעמקייט....

זיא וויינט מיין געליעבטע.

(געווידמעט צו מ. מ.)

שטענדיג וויינט זיא מיין געליעבטע,
אימער ליידט זיא אין דער שטיל,
און דאָך קען איך קיינמאָל וויסען,
קיינמאָל זאָגען, וואָס זיא וויל...

וויל איך פרעגען מיין געליעבטע:
אפשר ליעבט זיא מיר ניט מעהר?
וויינט זיא דאַן נאָך ערגער, ערגער,
ס'קומט איהר צו דאַן נאָך אַ טרעהר.

ווער איך דאַן נאָך מעהר פערצווייפעלט...
כ'ווייס ניט וואָס בעדייט דער טרעהר:
אפשר ליעבט זיא מיך ניט מאָקע,
נור צו זאָגען איז איהר שווער?

פאַנג איך אָן אַליין צו וויינען,
וויל אוועקגעהן שוין פון איהר.
נעהמט זיא בעטען מיר תחנונים:
ניט פאַרלאָזען זאָל איך איהר!

און אַזוי נור אימער אימער,
וויינט און ליידט זיא, אין דער שטיל.
און איך ווייס ניט, און פערשטעה ניט,
און בעגרייף ניט וואָס זיא וויל...

אברהם שיינוק.

* * *

וואָס קלאַפּט און האַמערט ביי מיר אינ'ם שאַרבען,
אַזוי וויא אין קוזניע דורך טאָג און דורך נאַכט?
צו וויל אַ פערניכטענדע מאַכט וואָס פערדאַרבען,
צו וויל עס וואָס בויען אַ שאַפענדע מאַכט?

איך הער, וויא אונזעהבארע הענד פעסט פערשלאָגען
מיט טרוקענע ברעטער דיא פענסטער פון קאָפּ,
דורך וועלכע עס פלעגען צו מיר זיך אָפט טראָגען
פון ליכטיגע שטראַהלען אַ סנאָפּ נאָך אַ סנאָפּ.

איך הער, וויא אונזעהבארע האַנדווערקער גראָבען
זיך דאָרט, און זיי בויען אַ שוואַרצע געביי,
און דעקען דיא ווענד אויס מיט פליגלען פון ראַבען
פון שוואַרצע, און גיסען דיא טהירען פון בליי.

איך ווייס, וואָס די טויב־שטומע גרעבער דאָרט טוהען:
זיי האַקען פון פעלזען אין קאָפּ מיר אַ סקלעפּ,
אַ פינסטערע דירה פאַר טויטע צו רוהען, —
וואָס טראָגט זיך דער אָבקלאַנג פון זייערע קלעפּ.

און האַקענדיג היטען זיי שטענדיג און האָרכען...
און וויא זיי דערזעהען, אַז טיעף אינ'ם האַרץ,
ווערט עפּעס געבאָרען און הויבט אָן צו שאַרכען,
דאַן שיט זיך ארויס גלייך אַ מתנה טויט־שוואַרץ,

רייסט דורך זיך אין האַרץ דורך דעם גאָלדענעם טויער
און וואַרפט זיך אויף איהם, דעם געבאָרענעם, גראָב,
דערשטיקט איהם אָהן ווערטער, אָהן פריידיגע און אָהן טרויער,
און טראָגט איהם אָב תיכף אין טויט־סקלעפּ, —
אין קאָפּ...

משה טייטש.

„לילית״.

פון הערמאן גאלד.

זיא האט איהם געליעבט מיט אזא ליעבע, וועלכע נור א פרויען־הערץ איז אימשטאנדע צו געבען, געזארגט פאר איהם ביי טאג, געהיט איהם ביי נאכט, טאמער וועט חלילה איהם עטוואס טרעפען.

זיך האט זיא מעהר געליעבט.

זיא האט ניט ערלויבט זיינע א שקלאפין צו ווערען, זיא האט איהם קיינמאל גע'חנפה'עט געהאליובעט, געהאלזט און געקושט. א ריינע, אמת־הערליכע ליעבע האט זיא פאר איהם געהאט.

קיינמאל האט ער ניט געהאט עטוואס ביי איהר צו בעטען, זיא זאל זיין ביטע ערפילען: אלעס וואס האט זיך איהם ווען עס איז געקענט וועלען איז געשטאנען אימער צו גרייט און געווארט אויף איהם.

קיינמאל האט זיא פון איהם ניט געהערט א שלעכט ווארט, א בייז ווארט. אבער אויך קיין גוט ווארט, קיין ווייך ווארט האט זיא פון איהם ניט געהערט.

דאס האט איהר ניט געארט: זיא דארף קיינע רייד; צופריעדען ער זאל זיין, וויל זיא נאר. און זיא האט געמיינט: צופריעדען איז ער.

זיא האט נאך דאן די מענער ניט געוואוסט.

דער לעבען איז איהם געווארען אזוי לאנגוויילIG, אזוי אויסגעצויגען. מיאוס און פערהאסט איז דער לעבען איהם געווארען.

און ווען ער האט געהערט א פרוי פאנגט אהן צו ריידען מיט איהר מאן: „מיין מאן... מיין מאן“... האט ער דאן געפיהלט אזא גרויסען וואונש צו הערען דיעזע צוויי ליעבע ווערטער פון זיין פרוי... און ווען ער פלעגט קומען אהיים און זיין פרוי פלעגט פראסט אנפאנגען: „משה...“ איז ער דאן געווארען העכסט צארניג ביז צו האסען איהר.

און אז ער פלעגט מיט איהר נעהן שפאציערען צוזאמען, און זיא פלעגט מיט איהם ריידען בלויז פון היימישע זאכען: פון קינד, פון איהרע פריינדע און זיינע פריינדע, און ער פלעגט הערען און זעהען דיא ליעבע מינעס, דיא פריינדליכע צוקער־זיסע רייד פון דיא אנדערע פאארלעך, דאן האט זיך אין איהם ערוועקט א גרויסער, שטארקער האס צו דיא, וועלכע רופט זיך זיין פרוי, פון וועמען ער האט ניט דיא אלע זאכען, וועלכע פרויען גיעבען.

ער האט דאס איהר אבער ניט געזאגט: רעספעקט האט ער פאר איהר געהאט.

און זיא האט געמיינט: גליקליך איז ער, רוהיג, צופריעדען איז ער.

זיא האט נאך דאן דיא מענער ניט געקענט...

* * *

ער קומט שפעט ביינאכט. זיא זאגט איהם קיין ווארט.

ער קומט גאר ניט, איין טאג, צוויי טעג דורכאנאנד, א גאנצע וואך שוין, זיא שווייגט.

זיא ווייס שוין... און שווייגט.

איהר הארץ האט ער צובראכען, איהר שטאלץ — ניט.

זיא ווייס שוין אלעס... גאנצענע טעג זיצט זיא און וויינט, אין זיך שטיל: אויף איהר הארץ וואס ער האט צובראכען און אויף איהם אליין, וואס ווערט פערפיהרט פון שלעכטע גוטעס, פון פאלשע גליקען. אין זיך וויינט זיא, אין זיך, קיין טרעהר, קיין פערוויינטען פנים. און ווען ער קומט איז זיא רוהיג, שטיל וויא אימער, דערצעהלט איהם, ווען ער וויל, פון קינד, פון היימישע זאכען, רוהיג, שטיל...

ער פערשטעהט איהר ניט.

„ווייס זיא נאך ניט? ווען אלע זיינע און איהרע פריינדע ווייסען עס שוין, שטראפען איהם אימערצו דערפאר?

„ווייס זיא יא?... ווייס זיא און איהר ארט דאס גאר ניט?...“

ער פערשטעהט ניט דיעזע פרוי. ער פערשטעהט ניט קיין פערבארגענעס און אפענעס...

זיא אבער ווייסט שוין דיזע מענער, זיא פערשטעהט זיי שוין.

אה, דיא מענער!...

* * *

ער האט איהר אוועקגעווארפען.

דאס קינד, האט ער געהייסען, זאל מען איהם איבערגעבען. זיא האט געטהאן וויא ער האט פערלאנגט.

זיא ליעבט דאס קינד. זיא קען דאס אבער ניט האלטען. ער פערדיענט גענוג: זאל דאס קינד ביי איהם זיין.

זיא ליעבט שטארק דאס קינד. ער אבער, האט איהר געצוואונגען זיא זאל דיזע ליעבע

דערשטיקען אין זיך, ער האָט צובראָכען דיא מוטער — און פרוי געפיהלען, זיא האָט מעהר קיין נוצען פון זייביידען אָבער דעם שטאָלץ?
אָה, ניין!
דאָס האָט זיא נאָך, פון דעם קען זיא נאָך נוטצען האָבען.
און א האס האָט פאַנאַנדערגעפלאַמט ביי איהר אין צובראָכענעם הערצען, וואָס וויטער, שטארקער און גרעסער.
אנשטאָט יענע שעהנע, זיסע געפיהלען פון א מוטער און א פרוי, האָט זיך יעצט ביי איהר ענטוויקעלט א נייער, שטאַרקער ביטערער געפיהל: „ראַכע.“
„ראַכע פון דיא מענער!“
„אָה, דיא מענער, זיא קען זיי שוין!“
דאַן פלאַמען איהרע אויגען, דאָס געזיכט ברענט, דיא פויסטען, געשלאָסען, אויסגעצויגען צום גאַס צו, דער גאַנצער קערפּער ציטערט פון אויפרעגונג....
און עפּטער געהט זיא ארום אין גאַס, א סאַרקאַסטישער שמייכעל אויף דיא ליפּען, א שפּאָטיש־שמייכלענדע געזיכט, און זיא מורמעלט שטיל:
„שפּאָט אויף אייך מענער!“
„איהר ווילט ניט קיין ליעבע הערצער! ליעבע אויגעלעך ווילט איהר בעסער, ליעבע פּנים’לעך, ליעבע ליפּעלעך, ליעבע אויסגעצויגענע הענטעלעך, ליעבע מינע’לעך, ליעבע תנועה’לעך? — נאַט אייך! נאַט אייך!
„איהר ווילט ניט קיין ריינע הערצער! פאַל־שע הענטעלעך, פּנים’לעך, ליפּעלעך, פאַלשע מינע’לעך ווילט איהר? — נאַט אייך! נאַט אייך!
„פּראָסטע, ריינע, גוטעס, פּעראַכטעט איהר; שעהנע, פאַלשע, שלעכטעס, ליעבט איהר; וואָהרע גוטעס ווערט אייך לאַנגווייליג, פאַלשע שלעכטעס אין פערשיעדענע אַלערליי מאַסקעס ליעבט איהר, גלייכט איהר? — נאַט אייך! נאַט אייך!
„שפּאָט אויף אייך, מענער!“

דיא בלום.

לאָז דיא בלום זיך דאָרטען ליגען,
טיעף אין דער פערגעסענהייט,
זאָל דיא שטילקייט זיא דאָרט וויעגען
אין א זיסער איינזאַמקייט.
אַלע אויגען פון דיא קברים,
און מצבות גאָר אָהן צאָהל
זעהען וועלקען זייערע קראַנצען...
נור זיא זעהט עס ניט קיין מאָל.
ווען איהר קערפּער ליעגט באַגראָבען,—
לעבט דאָך אימער איהר פּאַרפום,
זיא ווערט סאַמעט אמאָל טראָגען,
ווייל איהר בליק איז נאָך ניט שטום...
אויף איהר קבר וועט א פויגעל,
פולל מיט חן זיך שטעלען לייכט,
און פון האָגעל מיט זיין פליעגעל
וועט ער האָבען זיא בעווייכט.
און דיא זונן, וואָס וואַרפט מיט פונקען,
וועט זיא באָדען אין איהר גלאַנץ,
דיא אינזעקטען וועלען זשומען,
געהן אום איהר א זיסען טאַנץ.

ש. שטערמאַן.

* * *

(נאָכ’ן מאַלאָרוסישען.)

הערסטו ביי נאַכט, היִנטער’ן פענסטער,
וויא אימיצער וויינט אָהן א סוף, —
שרעק זיך ניט דעמאָלט, צוטרייב ניט
דיין זיסען און רוהיגען שלאָף!
קינד מיינס, דאָס וויינט ניט קיין יתום,
וואָס האָט ניט קיין היים אויף דער וועלט;
ס’וויינט ניט קיין ביטערער אביון,
וואָס געהט אוים פון הונגער און קעלט.
ס’וויינען און קלאָגען דיא ליידען,
וואָס ליגען אין הארצען ביי מיר;
ס’וויינט דאָס פון עלענד און בענקשאַפט
מיין אָרימע ליעבע צו דיר.

מאַני לייב.

הייאוואטהא

פון הענרי וואדסוואָרטה לאָנגפעלא.

(איבערזעצט פון ענגליש) פון יהואש.

VIII

הייאַוואטהא'ס פישפאַנגען.

פולל מיט שמחה הייאוואטהא,
האָט אלליין זיך אין זיין שיפעל,
אומגעשיפט אויף גיטשי-גומי
אויף דעם גרויסען טייך דעם העללען
מיט זיין פישער-שנור פון צעדער,
מיט זיין שנור פון צעדער שאָלאכין,
אום צו באַפּען מישע-נאהמא,
איהם דעם מלך פון דיא פישען.

דורך דאָס ליבטיג-קלאָרע וואססער,
האָט געקענט ער זעהן דיא פישען,
וויא זיי שווימען אין דער טיעפקייט,
זעהן דעם געלען אָקון סאהווא,
וויא א זוננענשטראהל אין וואססער,
זעהן דעם שאָגאשי דעם ים-ראק
וויא א שפּין, וואָס אויפ'ן דעק ליעגט
אויפ'ן זאמדיג-ווייסען דעק ליגט.

הינטען-צו איז הייאוואטהא,
מיט זיין פישער-שנור געזעססען;
אין זיין פעדער האָט געשפּיעלט זיך
ס'ווינטעל וויא אין טעננען-צווייגען;
פאָרענט מיט'ען עק פאררייסען,
איז דיא וועווערקע געזעססען,
אין איהר פעלין-פעלל האָט געשפּיעלט זיך
ס'ווינטעל וויא אין פּרייריי-גראָזען.

אויף דעם זאמד פון דעק, דעם ווייססען,
איז געלעגען, מישע-נאהמע,
איז דער פיש-מלך, און ס'וואססער
מיט דיא זשאברעס איינגעאטהעמט,
מיט זיין פלאָסספעדער געפאָכט זיך,
מיט'ען עק דעם גרונד געבעזעמט.

איז געלעגען אָנגעוואפענט,
און מיט שילדען פון דיא זייטען,
אויפ'ען קארג און אויפ'ן רוקען,
שטעכעדיגע שפּילקע-פּאנצערס,
אָנגעפארבט מיט קריעגס-קאָלירען,
רויטע, געלע, בלאָע שטרייפען,
שווארין באשפּרינקעלט, ברוין באשפּרינקעלט.
אויפ'ען דעק געלעגען איז ער,
פאָכענדיג דיא רויטע פלאָססען,
ווען פון אויבען הייאוואטהא,
אין זיין שיפעל איז געקומען,
מיט זיין פישער-שנור פון צעדער.

„בייסס" צו איהם אראָבגעשריען,
האָט אין אבגרונד הייאוואטהא —
„בייסס, מיין פישער-שנור, דו נאהמע
שווימם ארויס פון טיעפען וואססער,
לאָמיך זעהן ווער איז דער שטארקסטער."
דאן דיא צעדער-שטריק געשליידערט,
האָט ער אין דאָס קלאָרע וואססער,
דאָך אומזיסט געזעססען איז ער,
לאנג אומזיסט דערוואַרט א תשובה,
ווידערהאָלענדיג אלין העבער:
„בייסס מיין שנור איין, פישען-קעניג."

רוהיג איז געלעגען נאהמא,
לאנגזאם פאָכענדיג אין וואססער,
האָט געקוקט אויף איהם פון אונטען,
איינגעהערט זיך צו זיין אויפרוף,
צו זיין ליארעם דעם אומזיסטען,
ביז דערעססען האָט איהם ס'שרייען,
און געזאָגט האָט ער קענאזא'ן
צו דעם העכט דעם מאשקענאָזא:
„נעהם דיא שנור פון עזות-פּנים
הייאוואטהא, און צורייסס זיא".

דאן דערשפּירט האָט ער וויא שטייפער
ווערט דיא שטריק אין זיינע פינגער;
שלעפּט און רייסט אראָב ביז דיבאָם
האָט זיך אויפגעשטעללט דאָס שיפעל,
וויא א בירקענקלאָץ אין וואססער,
און דיא וועווערקע אדזשידאמא
אויפ'ען שפּיץ איז אומגעשפּרונגען.

מיט פערראכטונג, הייאוואטהא,
האָט געזעהען דעם פיש ארויפגעהן,
האָט געזעהן דעם העכט קענאָזא
קומענדיג צו איהם אלץ נעהענטער,
און אין וואססער איהם געשריען:
„עזא! עזא!" מעגסט זיך שעמען,
ביסט א פראָסטער העכט קענאָזא,
ניט דער פיש וואָס איך וויל פאנגען,
ניט דעם מלך פון דיא פישען.

אויפען דעק אראָבגעזונקען,
איז דער העכט אין גרויס בזיון,
און געזאָגט דער שטארקער נאהמא,
האָט צום אוגאדוואיש, צום זוננפיש,
צו דעם ליעשטיש מיט רויטע שופּפען:
„נעהם דיא שנור פון דעם באריהמער,
הייאוואטהא, און צורייסט זיא.

גלאנצענדיג און ווארפענדיג זיך,
לאנגזאם איז ארויף דער זוננפיש,
האָט דיא שנור פון הייאָוואטהא'ן
אָנגעכאפט און אָנגעהאנגען,
זיך אויף איהר מיט אללע כוחות,
האָט געדרייהט ארום דאָס וואססער,
דרעהענדיג דאָס בירקענשיפעל,
אין א בלעזעלדיגען עגול,
ביז דיא וואססער-רינגען זיינען,
אזש צום זאמד פון ברעג פארגאנגען,
און דיא וואססער-ליליען האָבען,
זיך צוואוויגט ביים ווייטען טייך-זוים.

ווען געזעהן האָט היאַוואַטהא,
איהם ארויפשטייגען פון וואססער,
הייבענדיג זיין העלען פאנצער,
אויסגעשריען האָט מיט שפּאט ער:
„עזא, עזא, מעגסט זיך שעמען,
דו ביזט אוגאדוואיש, דער זוננפיש,
נישט דער פיש וואָס איך וויל פאנגען,
נישט דער מלך פון דיא פישען.
גלאנצענדיג און ווארפענדיג זיך,
לאנגזאם איז אראָב דער זוננ־פיש;
ווידער האָט דער שטער־פיש, נאהמא,
צוגעהערט וויא היאַוואַטהא,
שרייט און רופט איהם אויף מלחמה,
האָט געהערט דיא קולות זיינען,
ווייט פערהילכענדיג דאָס וואססער.

פונעם זאמד דעם ווייסען האָט ער,
אויפגעהויבען זיך פארערגערט,
טרייסלענדיג מיט אלע גליעדער,
קלאפענדיג מיט זיינע פאנצערס,
גלאנצענדיג מיט קריעגס־קאָלירען;
איז מיט בעס ארויפגעשפּרונגען
און דאָס זוננען־ליכט און פערשלונגען
אין זיין גרויסען בית־הבליעה,
היאַוואַטהא'ן מיט זיין שיפעל.
אין דיא שוואַרצע הייל ארונטער,
איז געזונקען היאַוואַטהא,
גלייך וויא אויף א טייך א דונקלען
זינקט א קלאָץ אין שטראָם ארונטער;
הילפלאָז אין דעם טיעפען חושך,
האָט ער אומגעטאפּט פארוואונדערט,
ביז א גרויסע הערץ וואָס צאפּעלט,
האָט דערפיהלט ער, אין דער פינסטער.

צאָרניג האָט ער מיט דעם פויסט דאן,
נאהמא'ס הערץ א זעץ געגעבען,
האָט געשפּירט וויא אלע אברים
טרייסלען זיך ביים פישען־קעניג,
האָט געהערט דאָס וואססער קאָכען,
פון דיא שפּרינגערייי פון נאהמא,
אָבגעשוואכט און קראנק און גוסס.

דאן פארקווער האָט היאַוואַטהא,
אויסגעדרעהט זיין בירקענשיפעל,
אום אין קאָך און מישעניגע
פון דעם נאהמא'ס שלונד נישט ווערען,
אויסגעשפּיגען און דער'הרג'עט.
און דיא וועווערקע אדזשידאָמא,
האָט געהאָפּקעט און געפלוידערט,
האָט געשלעפּט און האָט געהאָלפען,
היאַוואַטהא'ן ביי דער ארבייט.

דאן געזאָגט האָט היאַוואַטהא:
„וועווערקע, מיין קליינער פריינדעל,
טאפּפער האָסטו מיך געהאָלפען,
נעהם דעם דאנק פון היאַוואַטהא
נעהם דעם נאמען וואָס ער גיט דיר,
דיך פון היינט מאָל אָן, דיא קינדער
זאָלען רופען אדזשידאָמא,
רופען דיך דער „עק־אין־אויר."

ווידער האָט דער שטער־פיש נאהמא
טרייסלענדיג געקרעכצט אין וואססער,
דאן פארשטומט געוואָרען איז ער,
טויטערהייט צום ברעג געשוואומען,
ריבענדיג זיך אָן דיא שטיינדלעך,
ביז געהערט האָט היאַוואַטהא,
וויא ער שאַרט זיך אויפ'ן טייך־זוים,
און בלייבט ליגען אויף דיא שטיינדלאך,

און געוואוסט: דער פישען־קעניג
ליגט א טויטער אויפען טייך־זוים.
דאן געהערט האָט ער דאָס קלאפּען,
פון א גרויסע מאססע פליגלען,
האָט געהערט צומישטע קולות,
וויא פון רויב פויגלען וואָס קעמפּפען,
האָט דערזעהען א שיין פון אויבען,
דורך דיא ריפּען פון דעם נאהמא,
האָט געזעהן דיא העלע אויגען,
פון קאיאָשק דיא וואססער־פויגלען,
וואָס באקוקען דורך דער שפּאלט איהם,
האָט געהערט זיי זאָגען: „דאָס איז
אונזער ברודער היאַוואַטהא".

און מיט פרייד ארויפגעשריען,
פון דער הייל פון אונטען האָט ער:
„וואססער־פויגלען, ברידער מיינע,
כ'האָב דעם נאהמא, צוגע'הרג'עט;
מאכט פאר מיר דיא שפּאלטען גרעססער,
מאכט זיי מיט דיא נעגעל ברייטער,
און בעפרייט מיך פון מיין תפיסה,
און פון היינט מאָל אָן און ווייטער,
ריידענדיג פון אייער אויפטהו,
וועט דאָס פאָלק קאיאָשק אייך רופען,
יא, קאיאָשק „דיא בראווע פליקערס."

און דיא ים־פויגלען דיא ווילדע,
האָבען לאבענדיג, געארבייט,
מיט דיא נעגעל און דיא שנאָבלען,
און געמאכט דיא ריססען ברייטער,
אין דיא שטארקע ריפּען נאהמא'ס.
פון געפענגניסס און געפאהרען,
פון דעם טויטען נאהמא'ס קערפּער,
פון דעם וואסער'ס שרעק באפרייט איז,
שנעלל געוואָרען היאַוואַטהא.

דאן געשטאנען פאר זיין וויגוואם,
איז ער ביי דעם ברעג פון וואססער,
האָט דיא אלטעשקע גערופען
האָט נאקאָמיס צוגערופען,
און געוויעזען איהר דעם נאהמא,
אויף דיא טייך־שטיינדלאך א טויטען,
פון דיא ים־פויגלען געפרעססען.

און געזאָגט: כ'האָב מישע נאהמא,
כ'האָב דעם פיש־מלך דער'הרג'ט,
זעהסט דיא פויגלען וואָס איהם פרעסען,
מיינע פריינד דיא וואססער־פויגלען,
טרייב, נאקאָמיס נישט אוועק זיי,
זיי געראטעוועט מיך האָבען,
פון געפאהר אין בויך פון נאהמא.

וואַרט ביז זיי דיא וואָליעס האָבען,
אָנגעשטאָפּט זיך מיט דער סעודה,
און זיי פליהען קעגען אבענד,
צו דיא נעסטען אין דיא זומפּען;
דאן ברייננג דיינע טעפּ און קעסלען,
און מאך טראָן פאר אונז אויף ווינטער.

און געוואַרט ביז אבענד האָט זיא,
ביז דיא נאכט־זונן, דיא לבנה,
בלייך ארויס פון שטיללען טייך איז,
ביז קאיאָשק, דיא וואסער פויגלען,
פון דער סעודה אויפגעהויבען,
האָבען זיך מיט גרויס געפּילדער,
און אין אבענדגלאנץ געפליגען,
צו דיא אינזלען ווייט אוועג צו
צו דיא זומפּען־נעסטען זיי'רע.

אָבגערוהט האָט היאוואטהא,
דאָך נאקאמיס, האָט געארבייט
פאר דאָס ליכט פון דער לבנה.
ביז דער הימעל רויט געפּארבען,
האָט זיך פון דעם זוננענ־אויפגאנג,
און דיא ים־פויגלען געקומען,
זיינען וויעדער פון דיא אינזלען,
מיט גערויש נאָך זייער פריהשטיק.
דריי מעת־לעת'ן בייטענדיג זיך,
האָט נאקאמיס און דיא פויגלען,
אָבגעשונדען ס'פּליוש פון נאהמא,
ביז דאָס וואסער דורכגעשווינקט האָט
דורך דיא ריפּפּען און דיא פויגלען,
זיינען מעהר שוין ניט געקומען,
און געבליבען אויפען זאמד־ברעג,
איז פון נאהמא דער סקעלעט בלויז.

(פאָרטזעטצונג פאָלגט)

ארויס פון גלות.

(ארז ארעט)

פון פער האלסטראם.

איבערזעצט פון מ א י ר ב ל י נ ק י ן.

(3טע פאָרטזעצונג.)

נישט צוליעב דעם, אַז איהר זאָלט פייערען דעם יום־טוב זייט איהר אהער געקומען; יעדער פון אייך וואָלט דאָס געקענט טהון ביי זיך אין דער היים. און רוהיג זיך לייגען אויף זיין געלעגער. איהר האָט זיך צוזאמענגעקליבען אהער, אויף אויסצוקלייבען אַ מענשען, אַ מענשען, וועלכער זאָל אויסגעלאכט און בעליידיגט ווערען אין קלויסטער, פון יענע, וואָס וואָהנען דאָרט אויבען. איהר ווייסט דאָך, אַז זאסי, האָט זיך אָבגעזאָגט צו געהן. געפינט זיך צווישען אייך כאָטש איינער, וועלכער זאָל געהען פאר איהם. אפשר וועסטו מאיר יצחק געהן? אָדער דו עוזר? אָדער דו פינא, דו חנן? איז פאראן צווישען אייך כאָטש איינער, וואָס זאָל וועלען געהן מיט'ן גוטען ווילען?

אַללע האָבען זיך צונויפגעדרעהט פאר בזיון; עס האָט זיך געדאַכט, וויא יעדעס מאָל ווען ער האָט אימיצענס נאָמען אויסגערופען, האָט ווי אַן אָנגעברענטער אייזען זיך אָנגעריהרט אין'ם שטערען פון דעם, וועמעס נאָמען עס איז דערמאָהנט געווען.

נאָכדעם האָט מנחם לאנגזאם און שארף פאָרטגעזעצט: — איך מנחם, וועל דאס טהון, אויב איהר ווילט נור. וויעדער וועל איך אָנטאָהן מיין מאַנטעל, איך'ל איינבויגען דעם קאָפּ און אוועק געהן אויבען. אונטער די קלעפּ וועל איך מיין פנים אונטערשטעלען, און וועל צוריק, ניט שלאָגען; איך וועל צוהערען זייער געזאנג, צו קוקען זייערע הויות און וועל אין זיך מיין אייגענעם קול פארטויבען. איך וועל נישט אויפהויבען מיינע בליקען צו גאָט, דורכגעדרונגען וועל איך ווערען, מיט זייערע מיאוס'ע ריחות, און דערביי וועל איך נור שטארק צוזאמענדריקען מיינע ציין.. איך וועל אונטערשטעלען מיין פנים, איך נעהם זיך אייער שאַנדע. אויב איהר ווילט דאס נור— זאָגט!

די גאנצע עדה האָט זיך פעסט צונויפגעצויגען, גלייך מיט אַ גראָב־געפלאָכטענער שטריק. אלע מיט איין בעוועגונג האָבען זיי זיך אַ קעהר געטאָהן צו איהם.

—עס טאָר נישט פאסירען, עס קען נישט, אַז נישט, איז אַלעס פערלאָרען!" — און זיי האָבען אַלע צו איהם אויסגעצויגען זייערע הענד.

מנחם האָט זיי צוגעצויגען און בע'כשופ'ט מיט זיין קוק. אליין אָבער האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט.

—זאָגט, אויב איהר ווילט!"

אַ הייזעריג געשריי האָט זיך צוטראָגען, מיט שוועריגקייטען זיך אראָב געריסען פון די ליפּען און איז באַלד אויפ'ן אָרט פארשטומט געוואָרען.

—ניין! ניין!

נאָכדעם האָט מנחם זיך ווילד צולאכט פון פרייד. זיינע ליפּען האָבען געלויכטען אזוי ווי בלוט, די אויגען געגלאנצט און גלייך, ווי ער וואָלט זיי פארשילטען און צונויפבינדען מיט אַ שבועה, האָט ער אויפגעהויבען די הענד.

—איהר ווילט נישט! איהר ווילט נישט! אָבער קיינער פון אייך וויל דאָך אויף זיך אויך נישט נעהמען דיא שאנדע?

—ניין, ניין!

—איהר זיינט מיעד געוואָרען זיך בויגען און קריכען. איהר ווילט שרייען, פּראָטעסטירען, פעסט זיך שטעלען אויף דיא פיס, אראָב ווארפען דיא האָאר פון'ם פנים, איהר ווילט הערען ווי דיא לופט ארום אייך קלינגט און זינגט!

—א! צוליעב וואָס איז נאָך דאָס פרע־גען. צו מיר ווילען דאס? זיינע הענד האָבען זיך אראָבגעלאָזט. און זיין גאנצער פנים האָט זיך געבאָדען אין א פאר׳כשוף׳טען, צארטען שמייכעל. און ער האָט ווידער אויסגעשפּרייט זיינע הענד צו זיי. זיין גאנצע נשמה איז אריבער גע־גאנגען אין זיינע אויגען.

—וויסען זאָלט איהר אַלע, דאס, וואָס איך וויים! איהר האָט דאכט זיך אלע געהערט, אלע גערעדט פון דעם זעלבען. נור אין אמת׳ן האָט איהר קיינער נישט געפיהלט און נישט געוואוסט פון וואָס.

דיא צייט קומט אָן און צושפּרייט זיך, וויא א לייכטענדער טאָג. פיעלייכט איז זיא ערשט געקומען! פיליייכט דערנעהענטערט זיא זיך דאָס ערשט מיט איהר גאנצער ערהאבענהייט, נור דיא זון איז נאָך נישט אויפגעגאנגען און קיינער האָט זיא נאָך נישט געזעהען.

מען דארף פון דאנען אוועקגעהען, מען דארף זיא מקבל פנים זיין, מען דארף געהן קעגען דער זונן! דאָרטען, וועלען מיר אראָבוואַרפען פון זיך אונזערע קליידער, מיר וועלען זיי צוטרעטען מיט דיא פיס. מיר וועלען אָבטרייסלען דעם שטויב פון זיך און מיט האסטיגע טריט וועלען מיר אַנטלויפען פון דעם לאנד וואו מען שענדעט אונז. ניט אהער וועט משיח קומען! ער וועט ניט קריכען צונויפגעדרעהטערהייט אין דיא ניעדריגע אריינגענגען, ער וועט ניט אָנקלאַפּען אין דיא שמוציגע טירען, ער רופט אונז צו זיך, און מיר דארפען געהען! ער רופט אונז אין דעם לאנד פון אונזערע עלטערן, און זיין קול איז מעכטיג. דיא צייט איז אויך געקומען. שטעהט זשע אויף און פאָלגט! ער איז נאָהענט, נאָהענט! אלע לענדער הערען זיך אצונד צו; אלע טירען מאכען זיך ברייט אויף, און אלע אריינגאנגען הערט זיך אצונד א גערויש פון טריט, דיא וועגען זיינען איבערפילט מיט גליקליכע און אויף זיי אַלעמען שוועבט דיא ליעבע.

אָט דער ברויזענדער מבול גיעסט זיך צו ארץ ישראל. ער דריקט זיך ארויס פון בערג און שלאָגט ארויף פון טאָלען, ער רוישט און זידט און טרייבט זיך אין ארץ ישראל! ער טראָגט זיך איבער פעלדער און מדבריות. ער וועקט אויף אלע וועלדער פון שלאָף, רייסט ארויס פון דער ערד קולות, ער טראָגט זיך איבער טייכען און בערג דער לעבעדיגער מענש־ליכער מבול, דיא וואסער הויבט זיך אויף גלייך וויא א וואנט. הער! ער רייסט זיך אריין אין לאנד דורך אלע פיער זייטען: פון מזרח, פון מערב, פון צפון און פון דרום.

פון מזרח זייט רייסט זיך אריין א הילכיג שאלען פון כלי־זין און עס קלינגט וויא קופּער!

מיט דיא הענט וועלען מיר דיא אויגען פער־שטעלען פון דער צו שטארקער שיין, מיר וועלען דיא אויערן פארלעגען, נור עס וועט גאָר ניט העלפען! דיא לופט אליין וועט זיך פארוואנדלען אין ציטערדיג גאָלד און עס וועט אריין אין אונז, עס וועט גלאנצען, דורכדרינגען און צוזאמענגע־שלאָסענע אויגען, זיין זינגען און שאלען וועט זיך אריינרייסען אין פארלייגטע אויערן!

און אָט איז ענדליך — משיח!

איהר ציטערט, גליך וויא פונאנדערגעלאָזע־נע פליגלען פון א פויגעל, נור איהר האָט דאָך מורא זיך לאָזען פליהען... אייך דוכט זיך, אז עס איז ווייט און שווער.

דענקט איהר פיעלייכט, אז משיח, דארף פארבלייבען אליין אין זיין גאָלדען לאנד? קלערט איהר פיעלייכט, אז דיא כלי־זין דארפען שאלען נור צוליעב דעם, אז דער אָבקלאנג, זאָל קענען ווידערהאָלען זיין טאָן? איהר פייערט דעם יום טוב פסח, ביי יעדען פון אייך אין דיא הענט איז דער צייכען פון אמאָליגער בעפרייאונג, נור איהר האָט פארגאָסען דיא בעדייטונג פון צייכען, זעהט: אָנגעשטאנען איז א נאכט, 7 מאָל פינסטערער ווי געוועהנליך, דערפאר וועט מאָרגען אויך זיין 7 מאָל ליכטיגער. — איצט וועלען מיר ארויסגעהען א קליינינקע צאָהל, גאָר מיט א אונבעדייטענדער קליינער צאָהל. מיר וועלען זיך צוטיילען איבער־צוגעהען דעם בארג און אזוי גלייך מיט דיא אלע פארדרייטע וועגען וואָס דער טייך פיהרט, וועלען מיר געהען, ביז מיר וועלען קומען צו ארגאַני. און דאָרטען וועלען זיך צו אונז נאָך מענשען אָנשליע־סען, אונזער צאָהל וועט ווערען גרעסער און דאָרט באַלד זיינען דיא צפון בערג... אויפגעגאנגען איז דיא זונן מיר — מיר זיינען שוין א גאנצע מחנה — קומט... פריי איז פאר אונז אומעדום דער וועג — קיינע צאָמען!

דענזשע, וועט איהר ביי זיך פועל׳ען, אז משיח׳ס ערווארטען אויף אייך זאָל זיין אומ־זיסט? איך האָב איהם געזעהען! דאָס איז גע־ווען איינמאָל אין דער פריה ווען איך האָב גע־פאסט, האָב איך איינגעזעהען זיין דערנעהנטערן זיך. איהר האָט דאָך אלע וועגען דעם געהערט, דענזשע האָט איהר ניט געגלויבט?

זאָלט איהרזשע וויסען זיין, אז דיא גאנצע סביבה איז שוין גרייט, זיי האָבען זיך שוין אלע געלאָזט אין וועג. ווארפטזשע אוועק זאָג איך אייך, אלע אייערע שווערע חפצים און נעמט זיך פאר דיא הענט און געהט!

ווילט איהר?

* * *

צו האָבען זיי געוואָלט!? זיי זיינען דאָך

אלע געווען אונטער זיין ווירקונג, און זיי האָבען קיין צייט נישט געהאַט זיך ארומקוקען.

פלוצלונג האָט אַ געוואַלדיגער קלאַנג דורכ־געלעכערט די לופט, דאָס איז געווען דער גלאָ־קען־קלאַנג, דער צייכען פון אַ פייער. אלע האָבען עס פון פריהער נאָך ערוואַרטעט, דען זיי האָבען פעסט פארשטעלט און פארהאָנגען די פענסטער, אָבער דאָך האָבען אייניגע אינסטינקטיוו זיך אַ וואָרף געטהאָן און אויפגעשלאָגען די ברענענ־דיגע ליכט.

ערשט דאַמאַלס איז מנחם אָנגעפאַלען אויף זייער ארעם־הערציגקייט, ווי אַ רויב־פויגעל אויף זיין קרבן.

זאָלען זייערע גלאָקען קלינגען, — געשריען האָט ער, — ביי אונז איז פסח, וואָס געהען אונז אָן זייערע גלאָקען? ביי אונז איז פסח! דאָ ביי אונז ברענען ליכט, גלייך צו די אָנגעזעצטע שטערען, הערט ווי טויב און מיעד זיי קלינגען, איינס נאָך׳ן צווייטען רייסען זיך אָב די טענער און זיי פאַלען אויף דער ערד, גלייך ווי מיעדע פויגלען און די פינסטערניש שלינגט זיי איין, און די פינסטערנים פאַרטויבט זיי. איבער׳ן שטאָדט שוועבט ארום עטוואָס אַנדערש... פיהלט איהר ווי עס גנב׳עט זיך איבער דער ליינג פון די ווענט? וועט איהר קענען דעם אַטעם פון דעם אונטערשיידען? פיהלט איהר הענט? קענט איהר פאָראויס זעהען די גאַנצע שרעקליכע טיעפקייט פון זיין בליק?!

דאָס איז אַ מלאך פון גאָט! האָט איהר באַ־צייכענט מיט בלוט אייערע טירען, צו האָט איהר זיך פארנייגט פאַר דער אַל־מעכטיגקייט פון גאָט? אויף דער לענג פון׳ם טייך גליצט ער זיך אצונד. און דער טייך דרייט זיך ביי זיינע פיס, גלייך ווי אַ צושלאָגענער פון שטאַרקע קלעפּ, אפילו דער ווינט שטעלט זיך קעגען מלאך, און ראַנגעלט זיך מיט איהם, אָבער ער טרייבט איהם אַראָב אין וואַסער און טרינקט איהם אין שוים. נאָכדעם צו־פאָכט ער זיך מיט די פליגעל און לאָזט זיך אראָב אויף דער ערד — דער מלאך המות איז גע־קומען, אַצינד הויבט אויף אייערע הענד און פאַר־לאָזט דעם אָרט פון זיין גרימצאָרן. נאָך אייער אַוועקגעהען וועט גאָט ראַכע נעהמען. ביינאַכט לאָמיר פון דאַנען ציהען; לאָמיר זיך אָנקליידען אין פאורפאורענע בגדים, מיט פלאַטערדיגע פע־דערען. מיט בליקען אין מזרח, לאָמיר ארויסגע־העז פרעהליך און זיעגרייך: גאָט וועט פאַר אונז אָנגרייטען אַ לאַנד!

אַלע האָבען זיך צונויפגעפּרעסט ארום איהם און האָבען געברויזט אזוי ווי וואַסער, ווען אַ שטורם דערצאָרנט עס. עס רוישט און קומט צו, נור צופאַלט זיא נאָכדעם, אָדער יאָגענדיג פון שטורם לויפט זיא ווייטער, — קיינער ווייסט ניט. זיי האָבען איהם געגלויבט, זייערע אויגען האָבען געברענט, די באַקען געפלאַמט, די הענט האָבען זיך צוזאַמענגעדריקט אין פויסטען, די קניע האָבען זיך ביי זיי געבויגען, נור דאָך זיינען זיי ווי געווען געבונדען מיט אַ שווערער לאסט פון אונענטשלאָסענהייט.

פלוצלונג האָט זיך רחל אַ לאָז געטהאָן מיט וואונדערבאַרער שנעלקייט, זיא האָט אין גאַנצען געציטערט ווי אַ דין צווייגעלע אין אַ שלעכטען וועטער, איהרע הענט, גלייך ווי זיי וואָלטען עפּעס ווען אָנגענומען האָבען זיך געווים אויף צו פריהער געצויגען, עס האָט זיך געדאַכט, דער פייער פון איהרע אייגענע אויגען, האַלט זיך אונ־טער, וועלכער איז מיט פארשטעלטע פאדים צו־געשמידט צו זיינע אויגען און אַז באלד, באַלד וועט זיא זיך אויף העלפט צוברעכען.

זיא איז אויף די קניע געפאַלען און איהם אין די הענט געקושט, נאָכדעם האָט זיא דעם קאָפּ פארוואָרפען און מיט אונבעוועגליכע בליקען אויסגעשריען: „דו, דו, דו!“ מעהר האָט זיא ניט געקענט אויסריידען. „נעם מיך מיט מיט זיך, נעם אונז אלעמען מיט זיך!“

דער אויסגעשריי האָט צושלאָגען די טויטע שטילקייט: און עס האָט זיך צוגאָסען אַ הויכע פרייד.

דער געשריי האָט ענטשיידען, זייער טרויעריגען צושטאַנד, עס האָבען זיך אָנגעהויבען הויכע יובעל געזאַנגען, די געזאַנגען זיינען אַלע מאָל דערפרישט געוואָרען און האָבען זיך גע־טראָגען הויך, הויך...

„שטעהט אויף, שטעהט אויף!... פיהר אונז מיט זיך מיט!“

מנחם האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו רחל׳ן; איין מינוט האָט ער געהאַלטען איהר האַנט אין זיינער און נאָכדעם אָבגעטראָטען אין אַ זייט. ער האָט געזיעגט אלץ איז געווען אין זיין מאַכט. אַצינד, די מינוט אַוועק פון דאַנען!

זיינען זיי פאַרטיג? יא, יא! מיט אויפ־געהויבענע הענט צום הימעל, מיט בליקען געקער־טע אויפצופריהער, מיט געזאַנג אין האַרצען, אוועק, אַוועק, פון דאַנען! מען דאַרף זיך פונאַנ־דערגעהען זייער אויף אַ קורצער צייט, גלייך צו אַ פייער וועלכער ווערט אַנדרימעלט כדי דערנאָך זאָל מען אויפפלאַקערען מיט אַ נייער קראַפט. מיר דאַרפען זיך צוליעב דעם פונאַנדערגעהען, אַז מיר זאָלען קענען פאַרכאַפּען זיך „בענדער“ פאַר קראַנקע און קינדער און זיך אָנקליידען אין די יום־טוב׳דיגע מלבושים צוליעב גאָט׳ס כבוד, — און ערשט נאָכדעם זיך ווידער אלע צוזאַמענ־

קליבען און פעסט אן א צווייפעל זיך לאזען אין וועג.

עס האבען זיך אנגעהויבען הערען וויינענדיגע קולות, נור מען האט זיי פארטויבט, בלייבט איבער דא, אז מען זאל אייך אלעמען אויסקוילענען אדער איהר זאלט אליין דערשטיקט ווערען! דא, איז דער טוידט, דא איז דיא שאנדע! זאלען זיך דא אבשטעלען דיא בארמהערציגע, אדער דיא וועלכע ווילען שטארבען צוליעב זייער עקשנות!

נור קיינער האט ניט געוואלט שטארבען און אלע האבען איהם נאכגעפאלגט, כאטש זייערע ארימע קעפ האבען זיך טאקע געטרייסעלט פאר שרעק און זיי זיינען פארגאנגען פון מורא און מיעדקייט. נור, יהושיע איז געבליעבען רוהיג און האט פון אלין אבגעשפאטען. „געהט!" האט ער געזאגט — געהט, און איך וועל בלייבען, כאטש איך פרעה זיך דערמיט וואס איהר געהט אוועק: דיא לופט איז קיהל און זעהר פאסיג פאר א יום־טוב'דיגען דורכגאנג. און איך וועל דא ווארטען אויף משיח'ן, אפשר וועט ער געפינען א צייט און אהער אויך פארבלאנדזשען, דעם וועג ווייסט ער גוט. איך בין מיעד, און דערווייל ביז עטוואס וועט זיין, וועל איך זיך אביסעל אויסשלאפען. מען דארף דאך אז אימיצער זאל אייך באגעגענען, ווען איהר וועט זיך אומקעהרען און בעגריסען אייך!"

* * *

זיי זיינען אוועקגעלאפען פון יהושיע'ן וויא פון א געפעהרליכער, אנשטעקענדער קראנקהייט, זיי זאלען נישט הערען זיינע רייד. מנחם האט דערפון גאר נישט געוואוסט, אזוי וויא ער האט גענומען אויף זיך דיא אויפגאבע אנצינדען אלע איבריגע מיט זיין מוטה, שטארקען גלויבען און פליסיגע רייד. ער האט צושיקט שלוחים, אז מען זאל צו דער צייט אלעם מיטנעהמען און זיך צונויפזאמלען, ער האט זיי געמאלען די פלענער פון דיא וועגען, אנגערופען דיא נעמען פון יענע וועלכע האבען צוגעברייט דאס פאלק אין אנדערע שטעדט, און האט איבערגעגעבען דיא ערטער וואו מען דארף זיך צוזאמענטרעפען. ער האט שטארק געציטערט פון ערנסטקייט און פרייד.

ענדליך האבען זיך אלע צונויפגעזאמעלט: דיא גאנצע גאס האט זיך אנגעפועלט מיט טריט און איינגעהאלטענע קולות. מנחם איז ארויסגעגאנגען צו דיא קומענדע, אויף דיא אויבערשטע טרעפ פון גאניק, אבגעריסען איז געוועזען זיין קול און צובלוטיגט זיינע הענט, וועלכע ער האט צושלאגען אין טיהר.

געפינענדיג זיך צווישען צוויי ברענענדיגע פאקלין און דערזעהענדיג אזא גרויסע מאסע שטעהען נעבען זיינעפיס, איינגעוויקעלט אין דער נאכט־פינסטערניש האט ער זיך צולאכט פון גליקזעליגקייט. דארט, אונטען, אין דער פינסטערניש, אין דער רעכטער מיט זומפ, האט זיך געוואלגערט, זייער באליידיגונג, וועלכעס זיי האבען פון זיך ארבגעריסען, גלייך, וויא א שאל.

דיא עראינערונגען, וועגען פארגאסענע טרערען, וועגען דער איבערגעלעבטער נויט, אלעס האט זיך דאס הילכדיג פונאנדערגעטראגען איבער דיא לעערע הייזער און עס האט זיך געטראגען אין דער טיעף, צוזאמען מיט'ן געדרודער, וואס איז ארויסגעטראטען פון דיא ברעגעס פון טייך, אלעס, וואס ער האט זיך געמערט אין דער טונקעלהייט, איז אצונד אין אבגרונד געפאלען. עס האט זיך פארטראנקען און געשטארבען אין אן אייביגער סטעמפעל פון פינסטערניס האט זיך אויף אלעם געלייגט... דיא גאנצע שוואכקייט איז פערבליעבען אונטער־זיי אלין פון הינטען!...

ער האט געדורשט, אויסגיעסען אלעס וואס ער האט געפיהלט און איבערגעלעבט וויא מעגליך און א גרינגערע פארמע, וועלכע זאל זיי אלע קענען פעראייניגען, צווינגען זיי אלע א ציטער טאהן פון איין מעכטיגען געפיהל. און ער האט אויסגעגלייכט זיין גאנצען געשטאלט און מיט דעם בלוט וואס איז גערונען פון זיין פינגער, האט ער אנגעשריעבען א צייכען אויפ'ן טהיר.

א ציטער איז דורכגעלאפען איבער דער גאנצער עדה, אלע קעפ האבען זיך אנגעבויגען פאר דער שיין פון דיא פאקלען און האבען אלע פארשטאנען, אז דאס איז געווען א „זיי געזונד" צו דעם ארט פון זייערע ליידען, א פריעדליכער קרבן פאר'ן צארן פון גאט, א רויטער, פלאקערדיגער צייכען, וועלכער האט מיט האפנונג ערווארטעט דיא זונן! נאכדעם האט מנחם די האנד בעהאלטען אין מאנטעל און דיא צווייטע האט ער אויסגעשטרעקט אויף פריהער — אט דארטען — האט ער געזאגט — דארט איז דער וועג צו אונזער צוגעזאגטען לאנד! און אצינד מעהר קיין בליק און קיין ווארט, וועגען דעם פערגאנגענעם. לאזט מיך דורך אויף פריהער איך זאל זיך קענען אוועקשטעלען אלעם פיהרער. און... געגאנגען זאל זיין אין דער פינסטער!

* * *

און זיי האבען ארויסגעצויגען פון שטאדט דיא וואנט האבען געזיפצט פון זייערע ראשיגע טריט, דיא רעדער האבען געקרעכצט, ארום זייער קעפ און פלייצעס האט דיא אונבעוועגליכקייט פון דער פינסטערניש זיך אויפגעטרייסעלט און דארט, וואו דיא מחנה איז געגאנגען, האט זיך געדאכט, אז דיא ערד אליין פיהרט אן א קאמפף מיט דער נאכט, מיט'ן טוידט און דיא שטארקע

חוואַלעס האָבען זיי געטראָגען אויפצופריהער. אין הימעל האָבען זיך געזעהען ניט מעהר וויא דריי גרויסע שטערן, זיי האָבען געלייכט אומעדיג, און עפּיס מאָדנע רוהיג. זיי זיינען געגאַנגען שטיל, נור זייערע אַלעמענס הערצער האָבען זיך געשלאָגען און זיי אליין האָבען געפיהלט און געהערט דאָס טויבע קלאַפּען אין איין טאַקט. געגאַנגען זיינען זיי האַלטענדיג זיך פאַר דיא הענט, און איינער מיט'ן צווייטען זיך געפרייט. דיא אללע האָבען זיי אונטער די אָרעמס געהאַלטען און דיא פוהרען מיט דיא קינדער האָבען זיי געשפּאַרט אויפצופריהער, פאַר זיך. דער גאַנג איז געווען גרינג, דער וועג איז געגאַנגען אראָב באַרג, און זיי האָבען געפיהלט גלייך וויא מען וואָלט זיי צוגעבען פליגלען יעדען צו דיא פּיס. אזוי גיך וויא זיי זיינען דורכגעגאַנגען דעם וואַלד איז פאַר זיי געלעגען אַ שטיק פעלד וועלכער האָט זיך ביי אַ פּערדדרייטער זייט אראָבגעלאָזט צום טייך. דער גאַנצער ברעג האָט אויסגעזעהען גרוי, פאַרפרוירען, גרויסאַרטיג...... זיי זיינען געגאַנגען ווייטער און דיא דריי שטערן האָבען זיך צוברענט אַלץ ליכטיגער און ליכטיגער.

אַצינד האָבען זיי שוין נישט מורא געהאַט אַז מען וועט זיי אָניאָגען, זיי האָבען זיך געקענט דורכריידען הויך, זיי האָבען אָבער ניט געהאַט איינער דעם צווייטען וואָס צו זאָגען... שווייגענדיג האָבען זיי פאַרוואָרפען דיא קעפּ אין אַ זייט, טיעף אין זיך אריינגעצויגען לופט און זיך שטאַרק איינגעקוקט אין דער נאַכט, וואָס איז אַלע מאָל געוואָרען העלער. פון פאָרענט איז געגאַנגען מנחם ער איז געגאַנגען וויא אימער, האַסטיג, גלייך ער מוז אָנווענדען אלע כחות אום צו דערגרייכען זיין צוועק. צווישען דיא ערשטע ריהען איז געגאַנגען רחל. זיא האָט כסדר געקוקט אויף איהם און איז איבערגעגאַנגען פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען, כדי זיא זאָל אימער זעהען איבער זיין קאָפּ איינעם פון די אגרויסע בלייכע שטערן און ביי יעדען מאָל האָט זיא אַ ציטער ארומגעכאַפּט פון פרייד.

דאָרט וואו דער פּאַרדדרייטער וועג האָט זיך דערנעהנטערט צום טייך, האָט מען געקענט מערקען דיא שטאָדט, און זיי צוטראָגענע, האָבען אויסגעדרייט דיא קעפּ צו איהר זייט. דאָרט אָבער האָט מען גאָר ניט געקענט זעהען, עפּיס האָט געטונקעלט צווישען דיא בערג, עטליכע ווילדע אָבגעגעסענע שטיקער האָבענזיך געוואָרפען אין דיא אויגען מעהר פאַר אַלעס, וואָרום זייער אויסזעהען האָט נישט זאַנפטער געמאַכט אפילו דיא אבשיין פון נאַקעטע בוימער, דאָס זיינען געווען דורכאויס הוילע בערג שטיינער. שטאַרק האָבען געקלונגען זייערע טריט איבער דיא ברעטער פון'ם בריק. און דיא קלאַנגען האָבען זיך ארויפגעטראָגען צום הימעל, וויא פון זייער ווייט ערגעץ אַ הילכיג געזאַנג, וועלכעס פאַרגרעסערט אַ פרייד אָדער שווערע קולות פון כלי־זין...

נאָכדעם זיינען זיי פאַרקראָכען צווישען קליינינקע שטיינדעלאַך. ביי זייערע פיס האָט געזונגען אַ פוילער, טייך וואסער, פאַרשטעלט מיט זייער שאַטין און מיט נישט דער ריכטיגער פינסטערניש...

פּלוצלונג האָבען זיך פאַר זיי אָנגעהויבען ווייזען צוויי גרויסע ריהען טונקעלע קלעצער, גלייך צו טויערן פון האָלץ און אזוי וויא זיי וואָלטען אויפגעהויבען אין דער הויך זייערע געפלאַנטע זייטלאַך.

מנחם האָט גערעדט מיט קורצע אָבגעריסענע רייד. אזוי, אז מען האָט זיי געזעהען גלייך וויא א בליץ, וואָס שניידט דורך דיא געדיכטע פינסטערע וואָלקענס. דיא ערשטע ריהען האָבען געהערט זיינע רייד און איינגעזאַפּט אין זיך זייער געדאַנק...

און ווען ער האָט אויף אַ פּאָאר מינוטען אויפגעהערט רעדען, ער האָט גערוהט, איז פון מוהיל צו מויל האָט מען זיינע רייד איבערגעגעבען און הויך זיי געשיקט צום הימעל. מען האָט זיי געקענט צוגלייכען צו א שיר, וואָס דיא מלאכים זינגען צו גאָט.

(שלום פּאָלגט.)

אנשטעקענדע קראנקהייטען.

פון דר. מ. גירזשדאנסקי.

מיר האָבען אנומעלט גערעדט וועגען אנשטעקענדע קראנקהייטען און מיר האָבען געזעהען, אז אזוי וויא דער טייך איז פולל מיט פיש, אזוי איז דיא גאנצע וועלט, דיא וואסערען, דיא פעלדער און וועלדער, און אפילו דיא לופט און דיא שטויב אָנגעפילט מיט גאנץ פיציאָנצינקע חיה׳לעך, אזעלכע קליינטשינקע, וואָס מען קען זיי גאָר ניט זעהען מיט׳ן פראָסטען אויג, נור גאָר אונטער אזעלכע פארגרעסערונגס גלעזער וועלכע מען רופט מיקראָסקאָפען; און דערפון רופט מען דיא דאָזיגע חיה׳לעך אויך טאקע מיקראָסקאָפּישע חיה׳לעך.

און מיר האָבען אויך געזעהען, אז אָט פיעלע פון דיא דאָזיגע חיה׳לעך זיינען זיך מפרנס מיט לעבעדיגע, וואַרימע בלוט. זיי קריעגען זייער חיונה נור דאמאָלט, ווען זיי קרוישקענען זיך אריין ביי א מענשען אין קערפער אריין; דאמאָלט האָבען זיי זייער פרנסה, און קענען וואקסען, שטארק ווערען און זיך פארמעהרען; אָבער מיר האָבען אויך געזעהען, אז דער מענש אין וועמעס בלוט דיעזע חיה׳לעך קלייבען זיך אריין ווערט קראנק דערפון, און אויך, אז יעדער מין פון דיא חיה׳לעך, מאכט אָן דעם מענשען אַן׳אַנדער זאָרט קראנקהייט.

לאָמיר נעהמען אזא מין אנשטעקענדע קראנקהייט, דהיינו, מאָזלען, און זעהען: וויא אזוי עס פארשפרייט זיך פון געזונדען צום קראנקען מענשען? ד. ה. וויא אזוי מענשען נעהמען זיך אָן מאָזלען, דיא געזונדע פון דיא קראנקע?

קודם כל וויל איך אייך אויפמערקזאם מאכען אויף א זאך, וואָס יעדער איינער האָט עס באמערקט מעהר וויא איין מאָל. דאָס איז, אז ווען א מענש רעדט, שפייט ער, איינער מעהר, איינער וויינינער. עס זיינען פאראן מענשען, וואָס שפייען אזוי שטארק, ווען זיי ריידען, אז עס איז אונמעגליך צו שטעהן לעבען זיי, סיידען מען איז מריצה צו שטעהן אונטער א רעגען פון שפייעכץ. דאָס, זיינען אויסנאהמען; אָבער אפילו געוועהנליכע מענשען, ווען זיי ריידען הויך, מיט אימפעט, מיט קראפט, בעזאָנדערס ווען זיי ריידען אוים בוכשטאבען, וואָס לאָזען פלוצלונג לויז דעם איינגעהאלטענעם אטהעם, וויא „ב“, „פ“, „ט“, „ק“, שטויסען שטענדיג ארוים פון מויל קליינע טהיילען שפייעכץ. פרובירט דעקלאמירען אָדער סתם ריידען הויך לעבען א שפיעגעל און איהר וועט זעהען וויא קליינע טראָפען פאלען אויפ׳ן שפיעגעל וויא א שפריי רעגען.

ווען איינער הוסט, ניסט אָדער שרייט, פאסירט עס אין א פיעל גרעסערע מדרגה, און שטיקלאך שפייעכץ ווערען מאכען א רייזע פון מויל ביז׳ן שפיעגעל פון אנדער זייט חדר.

און וויא איז אויב אין דיא שליים פון מויל און נאָז זיינען דאָ באציללען, טו וואָס פאסירט דאמאָלס?

מען האָט גענומען א פלאציגען געפעס מיט אזא מין בולליאָן, וואָס באציללען זיינען זיך דערמיט שטארק מחיה, און מען האָט אזא געפעס געהאלטען לעבען געזיכט פון א קראנקען קינד, וואָס האָט געהוסט און גענוסט. און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזען? פון יעדען קליינעם טראָפען שפייעכץ, וואָס איז פון מויל ארויפגעפאלען אויף יענעם געפעס, איז אין בולליאָן אויסגעוואקסען א קאָלאָניע מיט באציללען!

מאָזלען.

איצט לאָמיר נעהמען דעם פאל מיט מאָזלען.

מאָזלען (מאזערן, קאר, מאָרבילי), איז א קראנקהייט, וואָס יעדער מוטער ווייס עס, און

האט אויך זעהר ווענינ מורא דערפאר. עפעס פיהלט דאס קינד ניט גוט א פאאר טעג; דיא מאמע מיינט, עס שניידט זיך ביי איהם ציינדע־לעך; דאס קינד ווערט מעהר קראנק, קריעגט א ביסעל היטץ; שפעטער פאנגט עס אן צו וואס־סערען פון דיא אויגען און דאס קינד פאנגט אן צו ניסען און הוסטען, דאן ווייסט שוין יערע מוטער, אז דאס קינד וועט מאזלען; אויב דיא מוטער האט געטראפען, און דאס קינד האט טאקי מאזלען, ווערט דאס הוסטען און ניעסען ערגער, דיא אויגען ווערען רויט און פארגאסען, דאס קינד „ברענט, וויא א פייער", און רויטע, ניט־רעגעלמעסיגע פלעקען פאנגען אן ארויסצוקומען אויפ'ן געזיכט און קערפער פון קינד; דאס האלט אזוי אן 3, 4 טעג ביז דיא מאזלען „שיטען זיך אין גאנצען אויס"; דיא היטץ ווערט קלענער; דיא פלעקען ווערען בלייכער און דאס קינד ווערט ביסלעכווייס געזונד.

ווען א קינד מאזעלט און קומט אין בעריה־רונג מיט אנדערע קינדער, וואס האבען נאך ניט געמאזעלט, אבער וואס האבען געמאזעלט שוין לאנג צוריק, נעהמען זיך דיא געזונדע קינדער אן דיא מאזלען פון דיא קראנקע: זיי ווערען אנגע־שטעקט.

אידישע מוטערס טענה'ען, אז מאזלען איז קיין קריינק ניט.

מאזלען איז אין דער אמת'ן ניט אזוי גע־פעהרליך, וויא אנדערע קראנקהייטען, און קינ־דער ווערען געוועהנליך געזונט דערפון אהן פיעל מעדיצינישע בעהאנדלונג; אבער אז א קינד מיט מאזלען, קיהלט זיך צו, און אויב עס ענט־וויקעלט זיך א לונגען ענטצינדונג, איז דאס קינד אין געוואלדיגער לעבענס־געפאהר, פון וועלכער עס געלינגט ניט אימער עס צו ראטעווען.

אדער, און דאס איז נאך וויכטיגער, אויב נאך מאזלען בלייבט דאס קינד הוסטענדיג א לייג־גערע צייט, קען זיך דער צושטאנד לייכט ענט־וויקלען אין אויסצעהרונג, וויא דאס פאסירט, ליידער, צו אפט.

דיפטעריט און קרופ.

אדער נעהמען מיר אן אנדער אנשטעקענדע קראנקהייט: דיפטעריט. דער ווארט „דיפטעריט" פיללט אן מיט שרעקען דאס הארץ פון יעדער מוטער; עס איז א קראנקהייט, וועלכע ענטוויי־קעלט זיך אין קערפער דורך א באצילליע וואס מען האט א נאמען געגעבען „קלעבס־לעפלער", נאך דיא נעמען פון דיא געלעהרטע וואס האבען דיא באציללען צו ערשט ענטדעקט. דיעזע באַ־צילען בעזעצען זיך אין נאז און אין האלז פון'ם קראנקען קינד, פארנעהמען זיך ברייטלאך, פאר־לעגען דאס קינד'ס האלז מיט א הויט וועלכע שטיקט און ווערגט, און דאס קינד פאכט אזש מיט דיא נשמה. דאס איז געווען א געוואלדיג געפעהרליכע קראנקהייט ביז ניט לאנג צוריק. אבער זייט דיא ערפינדונג פון דעם דיפטעריטישען „אנטיטאקסין" איז דער פראצענט פון קינדער וואס שטארבען פון דיפטעריט זעהר קליין.

דער אנטיטאקסין איינשפריצונג האט אייגענטליך געמיינט דיא איינפיהרונג פון א נייעם מין בעהאנדלונג אין דער דאקטאריע. דער מיין דערפון איז א גאנץ פראסטער:

מענשען און חיות ווערען קראנק דערפון, וואס באציללען האבען זיך באזעצט אין זייער קערפער; אבער פיעלע ווערען דאך געזונט? וויא־זשע קומט עס? מען רעכענט דאך אז דיא באציללען פראדוצירען אזא מין גיפט וואס פאר־סם'ט דעם קראנקען, טו פאר וואס איז איין קינד געשטארבען, און אן אנדער קינד געזונט געווא־רען? מוז איך זאגען, אז דאס געשטארבענע קינד איז פולל געווארען מיט'ן סם. אבער אין קינד וואס איז געזונט געווארען, האט זיך גע־בילדעט א געגען־סם, וועלכער האט אבגעשוואכט דיא ווירקונג פון דעם סם פון דיא באציללען; היינט זעהען מיר ווידער, אז א מענש וואס ווערט געזונט פון אן אנשטעקענדער קראנקהייט, פון מאזלען אדער פון דיפטעריט, האט שוין אויף איהם דיא דאזיגע קראנקהייט קיין ממשלה ניט; הייסט עס ווידער דאס זעלבע, אז אין דיא בלוט פון א מענשען וואס איז געזונט געווא־רען פון אן אנשטעקענדע קראנקהייט איז דא אזא מין געגען־סם וואס שטערט איהם ניט זיין געזונדהייט, און וואס לאזט פאר קיין אופן ניט דיא זעלביגע באציללען זיך נאך א מאל זיך באַ־זעצען אין דעם זעלבען קערפער. אויף דעם סמך האט מען אזוי געטהאן:

מען האט גענומען א יונגען געזונטען פערד און מען האט אין זיין קערפער אריינגעטהאן אט דיא דאזיגע דיפטעריטישע באציללען, דיא קלעבס־לעפלער באציללען; אבער א קליין ביסעלע. דער פערד איז קראנק געווארען פון דיפטעריט און ער איז געזונד געווארען, ד. ה. אז אין דעם פערד'ס בלוט האט זיך ענטוויקעלט דער געגען־סם. אז דער פערד איז געזונט געווארען, האט מען אין איהם ווידער אריינגעטהאן קלעבס־לעפלער באַ־ציללען, אבער דעם מאל אביסעל מעהר וויא פריה־ער. און אזוי האט מען עס איבערגע'חזר'ט פיעלע מאל; איצטער הייסט עס, אז אין דעם פערד'ס בלוט איז פאראן זעהר פיעל געגען־סם פאר דיפטעריט. טו לאמיר זעהען: מען האט גענומען אנ'אנדער פאאר חיות, מען האט זיי ביידען פאר'סם'ט מיט'ן זעלבען מאאס דיפטע־ריטנע באציללען, נור אין איינעם פון דיא צוויי האט מען אויך אריינגעשפריצט א בעוואוסטע

מאס פון דיא בלוט אט פון דעם דאזיגען פערד. וואס האט זיך אויסגעלאזען? דיא חיה, וואס האט געקראגען דיא פערד'ס בלוט־זאפט איז זיך געזונט געווארען, און דיא חיה וואס מען האט דעם פערד'ס־בלוט־זאפט ניט איינגעשפריצט —איז געשטארבען פון דיפטעריט.

הייסט עס קלאר, וויא דער טאג, אז אין דיא בלוט־זאפט (סערום) פון דעם פערד האט זיך ענטוויקעלט א שטארקער געגען־סם — אנטי־טאקסין—פאר דיפטעריט, און אט דעם אנטיטאקסין אז מען שפריצט איין א קינד וויא נור עס בעוויזט זיך דיא ערשטע צייכען פון דיפטעריט (אדער קרופ), ווערט דאס קינד געוועהנליך שנעל געזונד. און א דאנק אט דעם אנטיטאקסין איז דיפטעריט געווארען א פערהעלטניסמעסיג מילדע קראנקהייט: אנשטאט דעם וואס פריהער איז עס געוועזן איינע פון די שרעקליכסטע קינדער קראנק־הייטען.

אז געזונטע קינדער קומען זיך צוזאמען מיט א קינד וואס איז קראנק מיט דיפטעריט, שטעקען זיך דיא געזונדע קינדער אן מייסטענס אויפ'ן זעלבען אופן, וויא אין דעם פאל פון מאז־לען.

אין טענעמענט הייזער, הערשט נאך א קראנקהייט וועלכע פיללט אן מיט ציטערנעס יע־דע מוטער־הארץ. דאס איז סקארלאטין.

סקארלאטין.

סקארלאטין, (סקארלאט־פיבער, שארלאך), איז א קראנקהייט, וואס גרייפט אן געוועהנליך יונגע קינדער. פלוצים זעהט זיך דיא מוטער ארום, אז דאס קינד ברענט וויא א פייער, איז רויט וויא פונק, און איז אין אלגעמיינעם זעהר קראנק. שפעטער מערקט זיא אויך אז דאס קינד קען ניט שלינגען אהן גרויס וועהטאג אין האלז.

סקארלאטין איז פיעל ערנסטער פאר מאז־לען; עס גערויערט געוועהנליך 6 לאנגע וואכען ביז דאס קינד ווערט געזונט אפילו אין א לייכטען פאל. ביי דעם קלענסטען צופאל ווערען געשוואָ־לען דיא מאנדלען (דריזען) אין האלז און עס קען זיך בילדען א געפעהרליכע בלוט פארגיפ־טונג, ווען דאס קינד, אדער דיא מוטער ווערט מיעד אויסצוהאלטען דעם דאקטאר'ס פאראָרד־נונגען, דיא גאנצע 6 וואכען איז דאס קינד אין גרויס געפאהר צו קריגען א נירען־ענטצינדונג, וועלכע איז זעהר אן ערנסטע זאך. סקארלאטין איז איינע פון דיא קלעפיגסטע קראנקהייטען.

זיא געהט אריבער פון געזונטען צום קראנ־קען, ערשטענס, אזוי וויא מיר האבען געזעהען אין פאל פון מאזלען: דאס קינד אטהעמט ארויס א שטראם לופט פון זיין נאז און מויל 30-20 מאל א מינוט, און מיט דיא לופט שווימען ארויס קליינע, קוים צו זעהען, שטיקעלעך שפייעכץ אין וועלכע עס זיינען דא הונדערטע באציללען; דיא שטיקעלעך שפייעכץ און שליים פון קראנקענס מויל און נאז פאלען אויף דיא געזונטע קינדער, וועלכע קומען זיך שפיעלען מיט זייער קראנקען חבר, אדער וואס וואהנען אין זעלבען חדר. ווען דאס קראנקע קינד קרעכצט, שרייט, ניסט, אדער הוסט, איז דער שטראם פון דיא פערגיפטעטע שליים נאך גרעסער, און בערעגענט אלעס וואס געפינט זיך ארום דעם קראנקען: און אז אפילו דער קראנקער איז אליין אין צימער, קענען דיא באציללען דערגרייכען דיא געזונטע קינדער אויף אזא מין אופן: דיא ביכער און דיא שפיעלצייג, וואס דאס קינד באשפריצט מיט זיין שליים, קענען אין א דושנעם, טונקלען צימער, בלייבען פול מיט לעבעדיגע, גיפטיגע באציללען ביז אי־בער צוויי יאהר נאך דער קראנקהייט. היינט אז דאס קינד ווערט געזונד, און צוטהיילט זיינע חברים דיא שיינע פיקטשורס (קארטינקעס), מיט דיא ביכלאך, מיט דיא שפיעלצייג, שיינקט ער זיי מיט זיין מתנה אויך דיא שרעקליכע סקאר־לאטין.

א חוץ דעם, איז מאזלען און, בעזאנדערס אין שקארלאטין, וויא דיא שארפקייט פון דעם פיבער הייבט אן אוועקצוגעהן, הויבט אויך אן זיך צו שיילען דיא הויט פון דעם קראנקען, אמאל אין גרויסע שווערע שטיקער, און אמאל אין גאנץ קליינינקע פוכיגע פיצעלעך, וועלכע שווימען ארום אין דיא לופט, און ענטהאלטען אין זיך באציללען, און זיינען אימשטאנדע צו אנשטע־קען מיט דער קראנקהייט יעדען איינעם אויף וועמען זיי פאלען ארויף.

א ווארט וועגען פאקען.

פאקען איז אמאל געווען א געפעהרליכע עפידעמישע קראנקהייט, וואס האט אויסגע־הרג'עט דערפער און שטעדט מיט מענשען; אבער זייט עס איז איינגעפיהרט געווארען דער מנהג פון פאקען־שטעלען, פאסירט דיא קראנק־הייט זעהר זעלטען.

„הערסטו, — וועט א קריטיש־געזאנענער לעזער זאגען — מיר ריידען דא, דאכט זיך, וועגען טענעמענט־הויז קראנקהייטען, טו צו וואס־זשע ברייגגט איהר דא מיר ארויף דעם ענין פון אנ־שטעקענדיגע קראנקהייט, וויא מאזלען, שקאר־לאטין, וכדומה? וואס האט עס איינס מיט דאס אנדערע צו טהאן, צו קען דען א בעל־הבית'יש קינד ניט מאזלען, צו האבען שארלאך?"

איהר זייט גערעכט, ליעבער לעזער; ראקע־פעללער'ס איינינקעל, איז געשטארבען פון אן אנשטעקענדער גדערעם־קראנקהייט; קליוו־

לאנד'ס טאָכטער איז געשטאָרבען פון אַן אנשטעקענדער האַלז־קראַנקהייט, און אז איך זאָל זיך אינטערעסירען דערמיט וואָלט איך קענען אויסגעפינען אַ האַלב טוטץ, צו אַ טוטץ רייכע קינדער, פון גאָר די „הויכע פענסטער" וואָס זיינען געשטאָרבען פון אנשטעקענדע קראַנקהייטען, און איך וועל אויף אַ סעקונדע ניט צווייפלען אז ביי רייכע עלטערען אז עס שטאַרבט אַ קינד, איז זיי גראָדע אזוי פינסטער די וועלט, וויא ווען דאָס אומגליק פּאַסירט ביי אָרימע.

און פון דעסטוועגען איז אַן אנשטעקענדע קראַנקהייט אין טענעמענט הויז אַ גאַנץ אַנדערע ערשיינונג; דאַכט זיך, דיזעלבע קראַנקהייט, אָבער מיט אַ גאַנץ אַנדער טעם; מיט אַ געוואַלדיגען, שווארצען, מלאך־המות'דיגען חילוק פון דער זעלבער קראַנקהייט אין בעל־הבית'ישער הויז.

לאָמיך אייך קלאָהר מאַכען, וואָס איך מיין דערמיט.

אויף איינע פון די פערזאַמלונגען אין „היברו אינסטיטוט", וואָס זיינען געווען פאַררופען לעצטען פריהלינג פון דער „טובערקולאָזיס עקזיבישיאָן", האָט איינער פון די הויפּט רעדנער דערצעהלט די פאָלגענדע געשיכטע:

די פּרינצעססין פון וויילס איז אַנומעלט קראַנק געוואָרען. די פּראָפעסאָרען וואָס האָבען איהר בעהאַנדעלט, האָבען צו זייער גרויסען ערשטוינען, אויסגעפונען אז זיא איז קראַנק פון סקאַרלאַטין. אַ סקאַנדאַל! שומו שמים! די פּרינצעססין פון וויילס האָט סקארלעט־פיבער!! ס'האָט זיך געקעהרט וועלטען! הקיצור המעשה, מען האָט אויסגעקליבען אַ קאָמיסיע פון געלעהרענטע פּאַך־מענער חוקר ודורש צו זיין: וויא קומט סקאַרלאַטין צו דער פּרינצעססין פון וויילס? מען האָט געזוכט, און מען האָט געזוכט, ביז מען האָט געפונען. די פּרינצעססין האָט געקראָגען סקאַרלאַטין אויף אַזאַ מין אופן: ס'איז געווען אין פּאַלאַטץ אַ באַלל, און די פּרינצעססין האָט דוקא אויף יענעם באַלל געדאַרפט אָנטהאָן אַ נייע מאָדנעם קאָסטיום, האָט זיא געשיקט נאָך איהר שניידער; ער האָט געמאַכט די צייכנונג און אַזוי וויא די צייט איז געווען קורץ, האָט ער בעשטעלט דעם קאָסטיום טהיילען־ווייס, צו וויא דאָרטען איז געוועזען, ביי אייניגע שניידער; און איין חלק פון דעם קאָסטיום האָט גענעהט אַ שניידער אין ווייטשעפּעל; און יענער שניידער האָט פאַר זיין וואָרשטאַט, און פאַר זיין ווייב און קינדער און פאַר זיין שלאָף־צימער און עס־צימער געהאַט מעהר ניט וויא איין חדר; און ווען ער האָט אין יענעם חדר גענעהט דאָס קלייד פאַר די פּרינצעססין פון וויילס, איז זיין קינד געווען קראַנק מיט סקאַרלאַטין, און די פּרינצעססין'ס קלייד, און דאָס קראַנקע קינד זיינען ניט געווען 2 פוס ווייט איינער פון צווייטען. אזוי האָט די פּרינצעססין פון וויילס געקראָגען סקארלעט־פיבער!

זעהט וואָס־ערע דריידלאַך און קונצען מען האָט בעדאַרפט אז די פּרינצעססין זאָל קריעגען סקאַרלאַטין!

און אז די פּרינצעססין איז שוין קראַנק געוואָרען האָט מען איהר בילתי ספק אריינגעטהאָן אין אַ אָבגעזונדערטען פּאָקאָי, און געגאַנגען זיינען צו איהר די דאָקטוירים און ווערטערינען דורך אַ בעזונדערען אריינגאַנג, און קיין איינצעלנער פון איהרע ברידער אָדער שוועסטער זיינען אפילו אין יענעם הויז ניט אריין, אַ חוץ אויב זיי האָבען געוואָלט, און דאָס אויף אַ מינוט, און דאָס גוט דיסאינפיצירט (ד. ה. זיך בעדעקט מיט אַזעלכע מאַטעריאַלען וואָס לאָזען ניט צו קיין באַציללען, וויא מיר וועלען עס שפּעטער ערקלעהרען.) און אז די פּרינצעססין פון וויילס איז געזונד געוואָרען, האָט קיינער איהר קראַנקהייט ניט איבערגענומען, און אַלעם איז ווידער געוואָרען ששון ושמחה.

וויא איז דער דין פון אַן אנשטעקענדע קראַנקהייט אין טענעמענט הויז?

אַ מאַמע האָט 4־5 קינדערלעך, אין 2־3 צימערען, און געוועהנליך אַ חוץ איהר מאַן, נאָך 2־3־4 פרעמדע מענשען, באָרדערס. איין קינד ווערט קראַנק מיט סקאַרלאַטין! וואָס זאָל די מאַמע טהאָן?

קודם כל געהט פאַרביי 2־3 טעג איידער מען האָט גערופען דעם דאָקטאָר, און איידער די נאַטור פון דער קראַנקהייט ווערט בעקאַנט; דערוויל שלאָפען די געזונטע און קראַנקע קינדער אין איינעם. היינט אז מען וויים שוין אז דאָס קינד האָט שאַרלאַך, טו דאַרף דאָס קינד אַ בעזונדערע הויז פאַר זיך, חאָטש אַ בעזונדערען חדר, לפחות אַ בעזונדערע בעט!! דאָס איז אַבסאָלוט אונמעגליך אין 90 פּראָצענט פון טענעמענט פאַמיליעס. אפילו אַ גאַנץ בעזונדערע בעט־געוואַנט פאַר'ן קראַנקען איז אויך ניטאָ, אין מייסטען פעללע; וואָס־זשע בלייבט איבער? אוועקשיקען די געזונטע קינדער צו בעקאַנטע! אָבער די בעקאַנטע זיינען אליין אָרימע לייט, האָבען אַליין קינדער, און אָפט האָבען זיי נאָך אויך מורא פאַר דער קראַנקהייט גופא; טו שיקט אוועק דאָס קינד אין האָספּיטאַל! איז אָבער די מאַמעס הארץ אַן איידעלע זאַך: „שיקען אַ קינד וואָס ברענט פון היטץ אין אַ קאַלטען אָדער רעגענדיגען טאָג מיילען ווייט, אין האָספּיטאַל, און פון יענעם האָספּיטאַל וועט מען מסתמא פאַרשיקען אין אַן אנדער'ן; און דאָרטען זיינען דאָ קינדער מיט פערשיעדענע אנשטעקענדע

קראַנקהייטען, פון וואַנען ווייס איך, אַז עס וועט זיך ניט אָננעהמען נאָך אַנ'אַנדער קראַנקהייט?"

דיא אָרימע מוטער וואַרפט זיך וויא אַ פיש אין נעץ און דער סך הכל איז געוועהנליך, אַז דאָס קינד בלייבט אין דער היים; עס איז אין שטענדיגער בעריהרונג מיט זיינע ברידער און שוועסטער און אפילו דיא שכנים'ס קינדער קענט איהר אויך ניט אָבהאַלטען, זיי קומען שוין, ווען דיא מאַמע איז פערנומען, און שפּיעלען זיך מיט זייער קראַנקען חבר, און טהיילען זיך מיט זייערע גראָשענע שפּיעלצייג, און נאָך ביליגערע נאַשערייען; זיי שפּיעלען זיך, שפּאַסען, לאַכען מיט'ן קראַנקען חבר, לאַכען, אויך אַזאַ מין רויטער געלעכטער, דער רויטער געלעכטער פון טענעמענט הויז, און דיא דיפטעריט און דיא שאַרלאַך שפּרייזען פון קינד צו קינד, פון חדר צו חדר, פון הויז צו הויז, פון פלאָאַר צו פלאָאַר.

קען זיך ווער פאַרשטעלען דיא לאַגע פון עלטערען, וועלכע וויסען אַז ביי זייער שכן איז אַ קינד קראַנק מיט סקאַרלאַטין און אַליין האָבען זיי קיין שום מיטעל אין דער וועלט ניט צו אַנטלויפען מיט זייערע קינדער פון דער פּעסט?

אָט דאָס איז דער חילוק פון דיא אַנשטעקענדע קראַנקהייטען אין דער רייכער הויז און אין טענעמענט הויז!

אין דער רייכער הויז קומען זיי על פי סיבה, און זיינען זעלטען אַנשטעקענד; אין טענעמענט הויז קומען זיי מעהר בעל כרחך און מוזען פאַרפּעסטען דיא געזונדע אַרום דעם קראַנקען, און קיין אָבהיטען אין דער וועלט קען דאָ גאָר ניט העלפען, וואָרום דיא מענשען זיינען אַזוי צוזאַמען געקוועטשט, אַז יעדער אַטהעמט, ניסט און הוסט דעם צווייטען אין פּנים אַריין.

טהאָמאַס ראָבערט מאַלטוס

און זיין בעפעלקערונגס טהעאָריע.

פון א. ש. זאַקס.

1.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז אַ געזעלשאַפטליכע וויסענשאַפט, איהר מזל איז שטענדיג פערבונדען מיט דער געזעלשאַפט. זיא שפּיעגעלט אין זיך אָב אַלע פאַרגענגע, וועלכע קומען פאָר אין דער געזעלשאַפט. זיא פערצווייגט און ענטוויקעלט זיך צוזאַמען מיט דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

די געזעלשאַפט איז אָבער ניט איין גאַנצע מיט איינע און דיזעלבע אינטערעסען, מיט גלייכע שטרעבונגען און נייגונגען. דיא געזעלשאַפט איז צושפּאָלטען און פערנאַנדערגעטהיילט אויף קלאַסען. און יעדער קלאַס האָט גאַנץ אַנדערע האָפנונגען, בעזונדערע ציעלען און אידעאַלען. דיא אינטערעסען פון איין קלאַס זיינען דאָס רוב מאָל אין ווידער־שפּרוך מיט דיא אינטערעסען פון צווייטען קלאַס. זעלבסטפערשטענדליך, אַז פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אַלס דער גייסטיגער שפּיגעל פון דיא בעציהונגען, וועלכע קומען פאָר אין דער גאַנצער געזעלשאַפט, קען ניט האָבען איין צורה, איין אויסזעהען, זיא קען ניט בעשטעהן פון כללים, מיט וועלכע אַלע גייסטיגע פאָרשטעהער פון דער געזעלשאַפט זאָלען זיין איינשטימיג. יעדער געלעהרטער סטאַרעט זיך צו בעלייכטען דיא פערשיעדענע ערשיינונגען לויט דיא פאָדערונגען און אינטערעסען פון זיין קלאַס, און דיזע איינזייטיגע בעלייכטונג פיהרט צו פערשיעדענע שיטות, מיט וועלכע פּאָליטישע עקאָנאָמיע צייכענט זיך אַזוי אויס פון דיא איבעריגע צווייגען פון דער וויסענשאַפט. אַלס אַ גוטער ביישפּיעל וויא ווייט דיא ריינע וויסענשאַפט קען פערדרוקעלט ווערען דורך דיא אייגעננוטציגע קלאַסען־אינטערעסען, וויא ווייט דער ריינער אמת קען ווערען איבערגעצויגען מיט אַ דיקע מיאוס'ע הויט פון שקר, דינט אונז דיא לעהרע פון ראָבערט מאַלטהוס, וועלכער האָט אַזוי אונגעלומפּערט אויסגענוצט דעם בעסטען און טהייערסטען אוצר פון מענשען'ס לעבען — דיא וויסענשאַפט — פאַר זיינע עגאָאיסטישע קלאַסען־אינטערעסען.

מיר האָבען שוין דערמאָהנט אין פאָריגען אַרטיקעל, *) דאָס אדאַם סמיטה האָט געלעבט

*) זעה „צוקונפט" דזשון, 1906.

אין דער צייט, ווען דער גרויסער קאפיטאל האט אנגעפאנגען זיך צו ענטוויקלען, ווען ער האט איבערגעלעבט זיינע ערשטע פריהלינגס־יאהרען. דאמאלסט האט דער קאפיטאליזמוס זיך בעוויזען אלס א רעוואלוציאנערער פרייהייטס־גייסט צו רייניגען דאס לעבען פון דער מיטעל־אלטערליכער שטעהענדיגער בלאטע, און חרוב צו מאכען די אבגעלעבטע, פעראלטעטע, פעאדאלע חורבות, אין וועלכע דעם מענשען'ס בליק איז געווען איינגעשפארט, און האבען ניט דערלאזען פריי זיך ענטוויקלען. מען האט נור געזעהען, אז אלע ווינקעלאך פון לאנד האבען אנגעפאנגען צו בליסטשען פון העלען קאפיטאל. עס האט אלעמען אויסגעוויזען קלאהר, אז דאס לאנד איז פיעל גליקליכער געווארען דורך דיא ענטוויקלונג פון קאפיטאל, דאס לעבען האט אויף דעם אופן ארויסגעשטעלט דיא פראגע פון רייכקייט, ד"ה וועלכע אורזאכען ווירקען אם בעסטען מיט, דאס דער קאפיטאל זאל זיך ענטוויקלען כדי דיא בעפעלקערונג זאל רייכער ווערען? און אויף דיזע פראגע האט אדאם סמיטה וויסענשאפטליך און ערנסט געענטפערט. אויף דיא פראגע פון ארימקייט האט סמיטה קיין שום תירוץ ניט געגעבען שוין איינפאך דעריבער, ווייל דיזע ערשיינונג האט איבערהויפט אין אמת'ן זינען פאר סמיט'ן ניט עקזיסטירט. מען האט דאן נאר בעמערקט, אז וואו דער קאפיטאל קומט, ווערט דיא מיטעל־אלטערדיגע קליינבירגערליכע ארימקייט ארויסגעטריבען. ארימקייט וואס זאל נאר ארויסקומען צוליעב דער ענטוויקלונג פון'ם קאפיטאל האט מען אין סמיטה'ס צייטען ניט קלאר געזעהען, ניט ערנסט בעטראכט.

ווען דיא אינדוסטריע האט זיך אבער שוין ווייט ענטוויקעלט, ווען זיא האט בעקומען, וויא מען זאגט, בירגער־רעכט, האבען זיך ערשט אנגעהויבען ארויסצו־ווייזען דיא אלע שאטענזייטען, וואס דער העל־לייכטענדער בלישצענדער קאפיטאל האט מיט זיך געבראכט דיא מלאכי חבלה פון דער נייער קאפיטאליסטישער עפאכע האבען אנגעפאנגען ארויסצו־ווייזען, וואס זיי קענען. טאג־טעגליך איז אונטערגעגאנגען צוליעב דער קאנקורענץ פון'ם גרויסען קאפיטאל דער קליין־בעטריעב און זיינע בעלי־הבתים, וועלכע האבען ביז איצט געפיהרט א שטילען, זעלבסטשטענדיגען לעבען, זיינען געווארען פראלעטאריער, ד. ה. אזעלכע, וועלכע האבען אויסער זייער ארבייטס־קראפט קיין שום אייגענטהום ניט און לעבען פון האנד אין מויל. דיא צאהל ארבייטער איז דאדורך פערגרעסערט געווארען. דורך דיא גרויסע קאנקורענץ, וואס האט עקזיסטירט האט יעדער אונטערנעהמער געמוזט שטרעבען אויסצובעסערען זיינע פראדוקציאנס־מיטעל, אום דיא ארבייט זאל זיין מעהר פראדוקטיוו. ווער ס'האט נור געקענט, האט זיך געסטארעט איינצופיהרען נייע מאשינעס. דיא ארבייט איז צוליעב דעם געווארען זעהר צוטהיילט. דער ארבייטער האט שוין ניט בעדארפט אויסארבייטען א גאנצען פראדוקט, נור א טהייל פון פראדוקט. געלערנטע ארבייטער האט מען שוין ניט אזוי נויטיג געהאט. מען האט נאר בעדארפט האבען כח, קראפט. און אויסגעבען פון זיך כח האט יעדער איינציגער געקענט ניט לערנענדיג זיך. אין א מאשינען־פראדוקציאן קען יעדער פערווענדעט ווערען. עס איז איינגעפיהרט געווארען פרויען און קינדער ארבייט. דער אנבאט פון ארבייטס קראפט איז דאדורך געווארען זעהר גרויס. דיא קאנקורענץ צווישען ארבייטער — אונגעהייער שטארק. דיא פראדוקציאן, וויא ענטוויקעלט זיא איז ניט געוועזען, האט ניט געקענט געבען אלעמען ארבייט. עס האט זיך געבילדעט אן ארבייטער רעזערוו־ארמעע, א מחנה ארבייטער, וואס איז שטענדיג געזעסען אהן ארבייט און האט דורך איהר קאנקורענץ ארונטערגעשלאגען דיא שכירות פון יענע ארבייטער, וועלכע זיינען געוועזען פערנומען אין דער פראדוקציאן. דיא ארבייטס־לוין און דיא איבעריגע ארבייטס־בעדינגונגען זיינען געווארען זעהר שלעכט. מען פלעגט מוזען ארבייטען 18—15 שעה א מעת־לעת אין שמוטציגע, ניט ארומגעזעהענע פאבריקען און זאוואדען פאר א הונגער־לוין. דער מאן פלעגט ארבייטען, דיא פרוי פלעגט ארבייטען, דיא קינדער — ארבייטען און סוף כל סוף איז ניט געוועזען פון וואנען צו לעבען. דער ארבייטער־קלאס איז געווארען אזוי אויסגענוצט, דאס ער איז שוואך געווארען פיזיש און מאראליש.

דאס איז אבער נאך ווייניג. דורך דיא גרויסע אנשטרענגונג, וואס יעדער אונטערנעהמער האט אנגעווענדעט איינצופיהרען נייע פראדוקציאנס־מיטעל און אויסצוארבייטען וואס מעהר סחורות, ביליגער צו פערקויפען, אום אויסצוהאלטען דיא קאנקורענץ, איז דער מארק איבערפילט געווארען מיט סחורות פון פערשיעדענע צווייגען פון דער פראדוקציאן. מען האט אויפגעהערט צו קויפען. דיא נאכפראגע אויף סחורות איז געווארען קלענער פאר'ן אנבאט. עס איז געווארען א קריזיס — דער שרעקליכער וואולקאן אין ווירטשאפטליכען לעבען. דיא פראדוקציאן האט זיך אבגעשטעלט, א גרויסע מאס געזעלשאפטליכע פראדוקטען איז

אין לאבוד געגאַנגען. הונדערטע, טויזענדע אַרבייטער מיט זייערע פרויען און קינדער זיינען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען אויף'ן גאַס אָהן שוץ, אָהן ברויט און אָהן דיא איבעריגע נויטיגע לעבענס־בעדירפניסען. אַרמוטה, שפלות, אויסגעלאַסענהייט — דאָס זיינען דיא מתנות וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט געבראַכט דעם אַרבייטער קלאַס. אויפ'ן סצענע פון דער וועלט געשיכטע איז ערשיענען אַ נייער מין אָרימקייט, אַ ספּעציעל קאַפּיטאַליסטישע, אַזאַ מין אָרימקייט, וואָס שטאַמט פון רייכקייט. דאָ הונגערן מענשען, ליידען שרעקליכע נויט און דלות, ווייל דאָרטען זיינען מענשען צו זאַט, צו רייך, האָבען ניט וואו אהינצוטאָהן זייערע סחורות. די אַרבייטענדע מאַסען זיינען געוואָרען שטאַרק אונצופרידען. דיזע אונצופרידענהייט איז איבערגעגאַנגען אין גרויסע בעוועגונגען, אָדער ווי דיא הערשענדע קלאַסען זיינען איינגעוואָהנט צו רופען „אונרוהען.“ מענשען, וועמען די לאַגע

טהאָמאס ראָ בערט מאַלטוס

פון דיא אַרבייטער האָבען גענומען פאַר'ן האַרצען, האָבען זיך שטאַרק ענטטוישט אין דער אינדיווידואַליסטישער סיסטעם פון אדאַם סמיטה. מען האָט קלאָר געזעהען, אַז אויפ'ן פרייען אינדוסטריעלען מאַרק קעמפּפען אונגלייכע קרעפטען, און ווען מען זאָל זיך ניט אַריינמישען אין דיזען קלאַסען־קאַמפּף, וועלען געוויס און געוויס זיעגען דיא שטאַרקע קאַפּיטאַליסטען, דיא אַרבייט־געבער, און דיא שוואַכע אָרעמע, אונבעשיצטע אַרבייטער קלאַסען וועלען אונטערגעהן. עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו הערען שטימען ניט צו דערלאָזען דיא קאַפּיטאַליסטען אַזוי שרעקליך עקספּלואַטירען דיא אַרבייטער־מאַסען. עס האָט זיך געבילדעט אַן אָפּאָזיציאָן געגען דיא הערשענדע געזעצען פון פּריוואַט אייגענטהום. מען האָט געפאָדערט, דיא רעגירונג זאָל זעהן ווייניגסטענס איינצופיהרען רעפאָרמען, וועלכע זאָלען בעשיצען דיא אַרבייטער פון זייערע אכזריות'דיגע געגנער, מען

האָט געפאָדערט געזעצען, וועלכע זאָלען בעגרענעצען דיא פרייהייט פון דיא אונטערנעהמער.

שוין אין יאָהר 1793 איז ערשינען אַ ווערק פון איינעם אַן ענגלענדער גאָדווין, וואו עס זיינען טהעאָרעטיש בעגרינדעט געוואָרען דיא נייע שטימונגען און פאָדערונגען. אין דיעזען ווערק איבערצייגט אונז גאדווין, אַז דיא אורזאַכע פון אָרימקייט ליגט נאָר אין דעם, וואָס דיא פּראָדוקטען ווערען ניט ריכטיג פערנאַנדערגעטהיילט, און דיא חסרונות פון דער געזעצגעבונג אין עפענטליכע אַנשטאַלטען. „רייכטהום — זאָגט גאָדווין — איז דאָ פיעל מעהר, וויפיעל עס איז נויטיג דער בעפעלקערונג. דאָס אונגליק איז, וואָס עס איז ניט גלייך פערנאַנדערגעטהיילט, איינער בעקומט צופיעל, דער צווייטער גאָר ניט. און כדי צו רעגולירען דיא רייכטהום און ראַטעווען דיא מענשען פון דער שווערער אָרעמקייט — גיט גאדווין אַן עצה — מוז מען זעהן דורכצופיהרען סאָציאַלע און פּאָליטישע רעפאָרמען„.

אַזעלכע עצות האָבען שטאַרק ניט געשמעקט דיא הערשענדע קלאַסען: דיא גרויסע קאַפּיטאַליסטען און גוטס־בעזיצער, וועמען עס האָט זיך געגלוסט, דאָס זייערע געגנער, דיא אַרבייטענדע מאַסען, זאָלען בלייבען אויפ'ן שלאַכט פעלד אין גאַנצען אונבעשיצט פון געזעץ. מען האָט אָבער ניט געהאַט דיא העזה אָפען ארויסצוטרעטען פאר דיא קלאַסען־אינטערעסען. מען האָט פערקליידעט דיא תאוה צו הערשען אונבעגרענעצט איבער דיא אָרימע מאַסען אין פערשיעדענע טעאָריעס. מען האָט אריינגעלייגט דיא טומאה אין יראה, אַז מען מיינט חס וחלילה קיין בייז ניט, אַז מען איז געגען גאָדווין'ס עצות ניט לטובת עצמו נור לטובת הכלל, ווייל — האָבען געטענה'ט דיא פאָרשטעהער פון דיא הערשענדע קלאַסען — ווייל דאָס אריינמישען זיך פון דער רעגיערונג אין דיא פּריוואַט אונטערנעהמונגען שטערט דער ענטוויקלונג. און הסכמות צו זייערע מיינונגען האָבען זיי געפונען בלומרשט אין סמיטה'ס טהעאָריען, וועלכע לערנען, אַז דיא אינדיווידועלע פרייהייט איז די ערשטע בעדינגונג פון פעלקער־רייכטהום און יעדע בעגרענעצונג פון דיזער פרייהייט קען נור שאַדען, אָבער ניט נוצען בריינגען.

2.

דיעזע עגאָאיסטישע אידעאָלאָגיע פון דיא הערשענדע קלאַסען האָט געפונען איהר בעסטען טעאָרעטישען פאָרשטעהער אין דעם בעריהמטען ענגלישען פּאַסטאָר און פּראָפעסאר טהאָמאס ראָבערט מאַלטהוס (1834—1766), וועלכער האָט איבערגעלאָזען אַן אונשטערבליכען נאָמען אין דער געשיכטע ניט אַזוי דורך זיינע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען, וויא דורך זיין אָפענעם, אכזריות'דיגען ארויסטרעטען געגען דיא אָרעמע אַרבייטער קלאַסען, אויף דעם סמך פון זיין בעוואוסטען בעפעלקערונגס־געזעץ.

אין דעם בוך, וואָס מאַלטהוס האָט אָנגעשריבען געגען גאדווין, בעשטעטיגט ער קודם כל דיא גרויזאַמע בילדער און שילדערונגען, וועלכע גאָדווין האָט געגעבען איבער די שרעקליכע אָרימקייט און עלענד, וואָס עקזיסטירט צווישען דיא מאַסען. מאַלטהוס איז מודה, אַז דער דלות פון פאָלק איז שרעקליך גרויס. ער איז אויך מודה, אַז אפילו דיא נייע קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וועלכע מאַכען דיא אַרבייט אַ סך פרוכטבאַרער זיינען ניט אימשטאַנד אויסצובעסערען די לאַגע, נאָר פערקעהרט, פערגרעסערען נאָך דיא עלענד. אָבער אויף דיא פראַגען: ווער איז אין דעם אַלעם שולדיג? וואו ליגען דיא אורזאַכען פון דיעזען פאָלקס־אונגליק?, און וויא ווערט מען פון דעם פּטור? בעמיהט זיך מאַלטהוס צו בעווייזען, אַז דיא אָרימקייט מיט אַלע איהרע בעגלייטער איז ניט אַ רעזולטאַט פון דער ניט גלייכער פערנאַנדערטהיילונג, וויא גאדווין מיינט. דער דלות קומט ניט דורך דעם, וואָס דיא געזעלשאַפט איז שלעכט איינגעאָרדענט, נאָר עס ווערט ארויסגערופען דורך דעם, וואָס מענשען האַלטען ניט איין זייערע תעות און פערמעהרען זיך מעהר, וויפיעל מען דאַרף. דיא רייכע קלאַסען זיינען איבערהויפּט ניט פעראַנטוואָרטליך פאר דיא אָרימקייט און זיינען דעריבער ניט מחויב צו זאָרגען וועגען די אָרעמע, ווייל אין דער אָרימקייט איז ניט שולדיג דיא געזעלשאַפט, נור דיא נאַטור. און דעריבער קען דער דלות ניט בעזייטיגט ווערען דורך דעם, וואָס דיא געזעלשאַפטליכע אָרדנונג וועט ווערען אַן אַנדערע.

„יעדע בעשעפעניש — פאַנגט אָן מאַלטהוס זיין טעאָריע — האָט אַן אונגעהייערן חשק זיך צו פערמעהרען אָהן אַ גרענעץ. עס איז ניטאָ איין מין בעשעפענים, סיי ביי חיות אַזוי אויך ביי פלאַנצען, וועלכע וואָלטען ניט פול געמאַכט דיא גאַנצע וועלט מיט זיך, ווען זיי וואָלטען געהאַט דיא געלעגענהייט, פריי, אונגעשטערט זיך צו פרוכטבאַרען. ביי דיא פלאַנצען זיינען פאַראַן פאַמיליעס, וועלכע ליעפערען אין איין יאָהר זאמען אויף פיעל טויזענדע נייע פלאַנצען. אויך צווישען דיא חיות בעגעגענען מיר אָפט אַזאַ מין פריה ורביה. דיא איינציגע הינדערנים, וואָס לאָזט ניט צו אַזאַ אונבעשרענקטען פערמעהרען זיך, איז דער חסרון אין

חיונה, דיא ניט גענוגענדע נאהרונגס־מיטעל. פיעלע אינדיווידואומען (יחידים) געהען איינפאך אונטער אין'ם קאמפף פאר עקסיזסטענץ. און דיעזער אונטערגעהן איז גאנץ נאטירליך, ווייל פיעלע פון זיי קומען אויף דער וועלט אלס אונגעבעטענע געסט און בעקומען דארטען דעריבער קיין פלאץ ניט.

פון דיעזען אלגעמיינעם כלל איז ניט אויסגעשלאסען אויך דער מענש. דיא תאוה צו פריה ורביה איז ביים מענשען אזוי גרויס, וויא ביי אלע אנדערע בעשעפעניסען. אבער אין דער נאטור קלעקט ניט אזוי פיעל שפייז פאר אלעמען, וועלכע ווערען געבארען. אמת טאקע דיא מאס פראדוקטען, וועלכע זיינען נויטיג צום מענשען'ס בעדירפנישען, וואקסט און פערמעהרט זיך דורך דיא ענטוויקלונג פון אינדוסטרי. אבער דיעזע מאס וואקסט ניט אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל דיא מענשען פערמעהרען זיך. דיא בעפעלקערונג פערגרעסערט זיך אין געאמעטרישער פראגרעסיאן, כפל־כפליים. ווען היינט איז דא צ. ב. איין פאר מענשען וועלען אין א דור שפעטער (מאלטהוס זאגט אין 25 יאהר שפעטער) זיין צוויי פאר — פיער מענשען; אין דריטען דור וועט יעדע פאר האבען קינדער און עס וועלען שוין זיין אכט מענשען, א. ז. וו. אין ציפער קען מען דאס פארמולירען אויף פאלגענדעם אופן: 2, 4, 8, 16, 32 א. ז. וו. דיא מאס פראדוקטען קען זיך אבער אויף קיין פאל ניט אויף אזוי פיעל פערגרעסערען. ווען מיר זאלען שוין אפילו צוגעבען — זאגט מאלטהוס — אז אין דיא ערשטע 25 יאהר האט די מאס פראדוקטען געוואקסען דורך דיא ענטוויקלונג פון אינדוסטרי דאפעלט. ווען פריהער איז געווען, לאמיר אננעהמען, דיא צאהל צוויי, איז אין 25 יאהר שפעטער צוויי מיט צוויי — פיער, דערפאר קען דאך אין דיא צווייטע 25 יאהר דיא מאס פראדוקטען וואקסען העכסטענס נור אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל עס איז געוואקסען אין דיא ערשטע 25 יאהר, ד"ה אויף דיא צאהל צוויי. און מיר וועלען בעקומען ניט אכט (פיער מיט פיער), נור זעכס (פיער מיט צוויי) און דיא דריטע 25 יאהר וועט צוקומען נאך א מאל צוויי און עס וועט זיין אכט (זעקס מיט צוויי). אין ציפער אויסגעדריקט קומט אויס 2, 4, 6, 8, 10, 12, א. ז. וו. (אזא סארט צו־וואקס רופט מען "אריטמעטישע פראגרעסיאן".) אז דיא פראדוקטען קענען זיך ניט אזוי פערמעהרען, וויא דיא בעפעלקערונג זעהט מען קלאהר, דען דער פלאטץ פון דער אויסערליכער נאטור, מיט וועלכען מיר פיהרען א קאמפף אום צו עררייכען לעבענס־מיטלען פאר אונזערע בעדירפנישען, איז דאך בעגרענעצט. פון איין דעסיאטין ערד צ"ב קען מען דאך ניט מאכען צוויי דעסיאטין, וויא פרוכטבאר דעם מענשען'ס ארבייט זאל ניט זיין. עס איז קלאר, אז עס מוז ארויסקומען אויף דעם אופן אן איבער־בעפעלקערונג, א גרויסער דעפיציט אין לעבענסמיטלען — א באנקראט. דער פועל יוצא, דער רעזולטאט פון אזא נאטור־באנקראט איז פערברעכען, קראנקהייטען, מלחמות, הונגער און נאך אזוינע סארטען אנשיקענישען און מלאכי חבלה. דיעזע לעצטע — מיינט וויטער מאלטהוס — זיינען עפעס אזוי וויא שלוחים פון דער נאטור אויסצוראטען דיא איבעריגע אונגעבעטענע מענשען, ווייניגער צו מאכען דיא בעפעלקערונג אום אויסצוגלייכען דעם דעפיציט. דאס איז אונבעדינגט נויטיג צו בעזייטיגען דעם באנקראט. און ניט דיא פערנאנדערטהיילונג איז שולדיג אין דיעזע מענשליכע אונגליקען, נור דער נאטירליכער געזעץ פון דער בעפעלקערונג זיך צו פערמעהרען אהן א שיעור און אהן אן ערך. און אויב מען וויל — גיט מאלטהוס אן עצה — אויב מען וויל דיזע אונגליקען שוואכער מאכען אדער בעזייטיגען, טא דארף מען ניט איבעראנדערשען די פערנאנדערטהיילונג, דיא ארדנונג פון דער געזעלשאפט, וואס וועט סיי וויא סיי ניט העלפען, נאר מען דארף בעסער זעהען איינצוהאלטען דיא נאטירליכע תאות, ניט אזוי יונג חתונה האבען, זעהן צו האבען ווייניגער קינדער א. ז. וו. וואס ווייניגער קינדער עס וועלען געבוירען ווערען, אלץ שוואכער וועט זיין דיא ארעמקייט, עפידעמיעס און דיא איבעריגע וואפען פון דער נאטור צו פערניכטען דיא איבעריגע, אונגעבעטענע געסט.

אין דער צייט ווען דיא שכירות קלעקט נור אויסצוהאלטען צוויי קינדער, האט דער ארבייטער חתונה און ברייננגט אויף דער וועלט פינף קינדער. דער ארבייטער קומט דורך זיין גרויסע פאמיליע אריין אין א שרעקליך קריטישע לאגע. ער פאנגט זיך אן צו בעקלאגען אויף דיא קליינע שכירות, וועלכע גענוגט ניט אויסצוהאלטען דיא פאמיליע. ער בעשולדיגט דיא רייכע, פאר וואס זיי טהיילען זיך ניט מיט זייער פערמעגען. ער בעשולדיגט דיא יסודות פון דער געזעלשאפט אין אונרעכט און אכזריות און עס קומט איהם, — דעם ארבייטער הייסט עס, — אפילו אין זינען ניט אריין אויפצוזוכען דיא ריכטיגע אורזאכען פון זיין ליידען. „דאס פאלק מוז נאר זיך אליין און ניט קיין אנדערען שולדיג מאכען אין זיינע צרות“ — דרש'עט דער זאטער געלעהרטער. „דיא הויפט אורזאכע פון'ם דלות און עלענד היינגט כמעט

וויא גאָר ניט אָב פון דעם אָרט ממשלה, אָדער פון דער אונגלייכער פערנאַנדער־טהיילונג פון די בעשאַפענע לעבענסמיטעל; דיא רייכע זיינען ניט אימשטאַנד צו געבען דיא אָרעמע אַרבייט און חיונה; דעריבער האָבען דיא אַרבייטער בעצם קיין שום רעכט ניט צו פאָדערן פון זיי, פון דיא רייכע, פּרנסה. אָט וועלכע וויכטיגע עקרים עס זיינען געדרונגען פון׳ם בעפעלקערונגס געזעץ... ווען דיזע עקרים וועלען זיך איבעראַל פערשפּרייטען צווישען פאָלק, וועלען ווערען דיא נידעריגערע קלאַסען פון דער בעפעלקערונג אַרטיגער און געהאָרכזאַמער. זיי וועלען ניט זיין אַזוי בערייט צו פערשיעדענע סאָרטען אונרוהען.. זיי וועט זיין דעמאָלט שווערער אויפצוהעצען דורך פערשיעדענע אַגיטאַציאָנס־ביכלעך."

אַלס אַ ראיה צו זיין טעאָריע, אַז דיא גרויס פון דער בעפעלקערונג איז ענג פערבונדען מיט דיא מאָס נאַהרונג, וואָס איז פאַראַן אין דער געזעלשאַפט, במזומן, בריינגט מאַלטהוס זעהר פיעל סטאַטיסטישע ידיעות, וועלכע ווייזען בעשיינפערליך, אַז וואָס גרעסער עס איז דיא מאָס פּראָדוקטען, אַזוי אָפטער קומען פאָר חתונות און אַלס גרעסער ווערט דיא בעפעלקערונג. און „וויבאַלד — דרש׳ענט ווייטער דער הייליגער גלח — אַז דיא עלענד איז אַ געזעץ פון דער נאַטור, וועלכער רעגולירט און גלייכט אויס דעם אונטערשיעד צווישען דיא בעפעלקערונג און לעבענסמיטלען — טאָ דאַרפען מיר זיין זעהר פאָרזיכטיג אין צדקה־אַנשטאַלטען, אין פערשיעדענע חברות, וועלכע האָבען דעם צוועק צו פערלייכטערן דיא עלענד. אַזוינע אונטערשטיצונגען וועלען נור פיהרען דערצו, דאָס דיא בעפעלקערונג וועט זיך נאָך מעהר פערגרעסערן אין׳ם ערך מיט דיא לעבענסמיטלען און עס וועט קומען נאָך אַ גרעסערער דלות". דיא רעגיערונג דאַרף זיך — נאָך מאַלטהוס׳עם מיינונג — ווייניג וואָס בעקימערן מיט דער אָרימקייט און ליידען פון דער געזעלשאַפט. "פיר דיא קינדער, וועלכע שטאַרבען פון הונגער איז דיא רעגירונג ניט פעראַנטוואָרטליך. דיא רעגיערונג איז ניט מחויב צו זאָרגען וועגען זיי, ווייל פאַר איהר ווערט אין קינד לייכט אויסגעביטען אויפ׳ן צווייטען".

„דאָס די קינדער מוזען ליידען פאַר די עלטערן זינד — בעמערקט ווייטער מאַלטהוס — וועט אפילו אויסקומען זעהר אכזריות׳דיג, דאָס איז אָבער איינער פון דיא אונפערענדערליכע געזעצען אין דער נאַטור, און מען דאַרף זיך גוט מישב זיין, איידער מען בעשליסט זיך צו ווירקען געגען איהם.„ (געגען דעם געזעץ פון דער נאַטור צו פערניכטען דיא איבעריגע נפשות, פאַר וועלכע עס איז ניטאָ קיין לעבענסמיטלען) און אַלס אמת׳ער פּריידיגער בריינגט מאַלטהוס אַ פסוק פון חומש, וואו עס שטעהט, אַז גאָט שטראָפט דיא קינדער פאַר דיא עלטערן׳ס זינד.

דער סך הכל פון מאַלטהוס׳עס טהעאָריע ווערט פאָרמולירט אין פאָלגענדע כללים:

1) דיא בעפעלקערונג איז אונבעדינגט אַבהענגיג פון דיא מיטלען צום לעבען, וועלכע זיינען פאַראַן אין דער נאַטור. דיא בעפעלקערונג קען ניט אָנוואַקסען אָהן אַ שיעור און אָהן אַן ערך אין דער צייט, ווען פיר דיא מאָס לעבענס־מיטלען איז יאָ דאָ אַ שיעור.

2) דיא תאוה פון יעדער בעשעפענים, ניט אויסגעשלאָסען דער מענש, פיהרט אָבער דערצו דאָס יעדער מין פערמעהרט זיך אָהן אַ גרענעץ און אַ שיעור אין דער צייט, ווען דיא מאָס לעבענסמיטלען ווערט ניט גרעסער אויף אַזוי פיעל. עס ווערט אַן איבערשוס, ד"ה מעהר מענשען, וויפיעל לעבענס־מיטלען.

3) דיזער איבערשוס פון מענשען אין ערך מיט דיא לעבענס־מיטלען קען בעזייטיגט ווערען ענטוועדער דורך׳ן איינהאַלטען דיא תאות פריהער, אָדער דורך דיא פערשיעדענע אָנשיקענישען, וועלכע דיא נאַטור שיקט שפּעטער, ווען דער איבערשוס, דיא מותרות פון מענשען איז שוין פאַראַן. דיזע אָנשיקענישען זיינען: הונגער, קראַנקהייטען, מלחמות, רציחות א. ז. וו. דורך אַזוינע מיטלען, ווערט צוריק אויפגעשטעלט דער גלייכגעוויכט צווישען דיא נאַטור און געזעלשאַפט.

דערפון קומט אַרויס פּראַקטיש:

א) אַז אַלע מיטלען איבערצואַנדערשען די יסודות פון דער געזעלשאַפט און איינפיהרען אַן אַנדער סאָרט פערנאַנדערטהיילונג, וואו דער פּראָלעטאַריאַט זאָל בעקומען מעהר לעבענס־מיטלען, וועלען נאָך פערגרעסערן דעם דלות און דיא שטערבליכקייט, ווייל דיא גלייכגעוויכט צווישען דיא נאַטור און בעפעלקערונג וועט נאָך מעהר צושטערט ווערען.

ב) דער בעסטער מיטעל צו בעזייטיגען דיא עלענד איז ניט חתונה צו האָבען יונג און זעהען צו האָבען ווייניג קינדער.

ג) דיא געזעצגעבונג און פערשיעדענע צדקה־חברות אויסצובעסערן דיא לאַגע פון דיא אָרעמע זיינען ניט נאָר צו שוואַך פאַר׳ן נאַטירליכען געזעץ צו פערניכטען דיא איבעריגע מענשען, נאָר פערקעהרט, דאָס פערגרעסערט נאָך דיא אונגליקען, ווייל ניט האָבענדיג קיין דאגת חיונה, וועלען דיא אָרעמערע קלאַסען אָנפאַנגען ווייטער זיך שטאַרק צו פערמעהרען.

3.

מאַלטוסעס אכזריות'דיגע טעאָריע איז געקומען זעהר צו דער האַנד יענע קלאַסען, וועלכע לעבען פון פערשידענע סאָרטען עקספּלואַטאַציאָן. מען האָט זיך אָן איהר אָנגעכאַפּט, וויא אָן אַן אבן טוב, מיט וועלכען מען בענוצט זיך יעדעס מאָל, ווען מען הערט דיא פּראָטעסטען פון דיא אויסגעמוטשעטע ארבייטער קלאַסען, ווען עס קומט אוים צו שלעפּען דעם אונערטרעגליכען יאָך פון קאַפּיטאַל. אויך נאָך היינט הערען ניט אויף אפילו פערשיעדענע פּראָפעסאָרען, וועמען דער איצטיגער אָרדנונג איז טהייערער פון אַלעס אין דער וועלט, צו דרש'ענען, אַז דיא אַרבייטער ליידען דערפון, וואָס זיי האָבען צופיעל קינדער, און קיין אַנדערער, אויסער זיי אַליין, איז אין דעם ניט שולדיג.

אַז דיעזע אַנשויאונג, וועלכע איז מצדיק את הדין און בערעכטיגט דיא עלענד ביים פאָלק, איז איינע פון דיא גיפטיגסטע און שרעקליכסטע געוועהר געגען דעם אַרבייטער קלאַס איז איבעריג צו ריידען. אַזאַ תורה, וואו עס ווערט געדרש'ענט מיט אַזאַ אָפענע חוצפּה און ציניזם פערשיעדענע מאָראַלישע פערברעכען איז זיך שוועהר פאָרצושטעלען ביי אַ מענשען פון דער וויסענשאַפט. דיעזע תורה, אויסער וואָס זיא בערויבט פון דיא אַרבייטער יעדע האָפנונג אויסצובעסערען זייער לאַגע, אויסער דעם, וואָס זיא זאָגט נביאות, אַז אין דער צוקונפט וועט דיא לאַגע נאָך ערגער זיין — אויסער דעם אַלעם מאַכט זיא מאַלטהוס תורה, נאָך דיא עלענדע, פערהונגערטע, פערמוטשעטע מענשען אַליין שולדיג אין זייערע צרות! יאוש, פערצווייפלונג, אָבהענגיגקייט ביי דיא אָרימע, אכזריות, קאַלטבלוטיגקייט, שלעכטסקייט ביי דיא רייכע — אָט זיינען די רעזולטאַטען, וואָס מאַלטהוס האָט מיט זיך געבראַכט. עס איז קיין וואונדער ניט, אַז „מאַלטהוזיאַנסטוואָ“ האָט ניט געקענט אַרויסרופען אַ טיעפע פּראַכטונג ביי די אמת'ע פריינד פון דער מענשהייט.

דיא פראַגע איז אָבער ניט אויב דיעזע אַנשויאונג איז אַ גוטע אָדער אַ שלעכטע, צו זיא איז אונז סימפּאַטיש אָדער אונסימפּאַטיש, צו זיא איז אַ יושר'דיגע אָדער ניט? — דיא פראַגע איז: אויב מאַלטהוס'ס טהעאָריע איז וויסענשאַפטליך ריכטיג? אויב דאָס זאָל זיין ריכטיג, — דאַן פאַלען אוועק אַלע רחמנות, ווייכהערציגקייט, סימפּאַטיען אָן אַ זייט. געגען אַ שטרענג וויסענשאַפטליכען אמת לוינט ניט ענטקעגען צו שטעלען דעם יושר, דאָס געפיהל. אָן אמת מוז ווערען אָפען אַרויסגעזאָגט וויא אכזריות'דיג און גרויזאַם עס זאָל ניט זיין, און עס וואָלט זיין לעבערליך מאַלטהוס'ן פאָרצוּוואַרפען און צו בעשולדיגען אין עגאָאיזמוס, קאַלטבלוטיגקייט דעמאָלט, ווען זיין פאָרשונג זאָל זיין — וויסענשאַפטליך ריכטיג. דיא מעשה איז אָבער, דאָס דער גאַנצער מאַלטהוזיאַנסטוואָ איז וויסענשאַפטליך פאַלש. דיא גאַנצע טעאָריע איז אויפגעבויט אויף פאַלשע יסודות און אונריכטיגע סברות, וועלכע האָבען מיט דער ווירקליכקייט ניט צו טהאָן. און אויב פיעלע האַלטען זיך נאָך ביי דיזע טעאָריע איז ענטוועדער דעריבער, ווייל זיא קומט זעהר צוניטץ זייערע קלאַסען-אינטערעסען צו פערבלענדען די אויגען, אום ניט צו זעהען די ריכטיגע אורזאַכע פון מענשען'ס עלענד, אָדער, אויך דעריבער, ווייל דיזע טעאָריע ענטהאַלט אין זיך אויך זעהר פיעל אמת. דער אמת איז דאָ אַזוי פערדרעהט און פערפלאָכטען מיט'ן שקר, דאָס עס איז זעהר שווער זיי אָפּען צו פלעכטען, אַנאַליזירען און אָבצוטהיילען איינס פון דיא אַנדערע.

דער הויפּט יסוד, אויף וואָס מאַלטהוס בויט זיין וועלט אַנשויאונג, דאָס דיא בעפעלקערונג פערגרעסערט זיך מעהר וויא דיא מאָס לעבענס-מיטלען, איז שוין לאַנג דורך דיא וויסענשאַפט בעוויזען געוואָרען פאַר פאַלש. דיא פערשידענע ערפינדונגען און ענטדעקונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין פערשיעדענע צווייגען פון דער וויסענשאַפט און טעכניק אין לעצטען יאָהר-הונדערט, האָבען קלאָהר געוויזען, אַז דיא פּראָדוקטיוויטעט, דיא פרוכטבאַרקייט פון דער מענשליכער אַרבייט שטייגט אונגעהייער גרויס. אויסער דעם, וואָס ס'איז נאָך פאַראַן איז דער נאַטור זעהר פיעל פּלאַטץ, וואָס קען פערברויכט ווערען אין מענשען'ס נוטצען, ד. ה. דער קאַמפּף מיט דער נאַטור קען פערגרעסערט ווערען אין כמות, איז נאָך אָבער גאָר ניט משער צו זיין, וויא ווייט דער קאַמפּף קען ענטוויקעלט ווערען אין איכות. אמת טאַקע פון איין דעסיאַטין קען מען צוויי דעסיאַטין ניט מאַכען, דערפאַר קען מען אָבער דורך דער ענטוויקלונג פון טעכניק ציהען פּראָדוקטען פון איין דעסיאַטין, וויא פון 10 און מעהר דעסיאַטין. דיא נאַטור ווערט פרוכטבאַרער, וואָס אַ בעסערע טעכניק עס ווערט צו איהר פערווענדעט, און דיא טעכניק ווערט אויסגעבעסערט מיט דיא פאָרטשריטע אין דער וויסענשאַפט. פיעלע געלערנטע האָבען אפילו, אַז מיט דער צייט וועט דיא וויסענשאַפט געפינען אַ מיטעל, וויא צו בעקומען נאַהרונג פון דער לופט, און עס איז קרוב לודאי, אַז אין דער צוקונפט וועט דאָס עררייכט ווערען. מיט הונדערט יאָהר צוריק האָט מען זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז ס'וועט ענטדעקט

ווערען א נייער מיטעל צו מיסטיגען די פעלדער, סעליטרא, וואס מאכט דעם באדען פרוכטבארער ניט אין׳ם ערך, וויא פריהער.

איינער א דייטשער געלעהרטער האט אויסגערעכענט, אז דיא אינטעסיוויטעט, און פראדוקטיוויטעט (פרוכטבארקייט) פון דער דייטשער לאנדווירטהשאפט איז צוליעב דיא פערווענדונג פון מאשינעס און איבעריגע ערפינדונגען אין דיא לעצטע הונדערט יאהר געוואקסען א סך מעהרער, וויא די פערמעהרונג פון די מענשען. מיט איין ווארט, דער גאנצער פעסימיזמוס בנוגע דער איבערבעפעלקערונג, ד. ה. אז עס וועט זיין אין דער צוקונפט אן איבערשוס אין מענשען, איז אבסאלוט ניט ריכטיג.

און ווען מען זאל שוין אננעהמען (וואס ס׳קען נאר מעגליך זיין ביי אזעלכע מענשען, וועלכע ליעבען זיך אויסצומאהלען פאנטאסטישע, גרויזאמע שרעקענס בילדער), אז ס׳קען יא קומען אזא צייט, ווען דיא נאטור וועט ניט זיין אימשטאנד צו ערנעהרען אלע בעשעפעניסען, וועלכע זיינען אין איהר פאראן — טא איז מילא בכן? איז וואס דערפון געדרונגען? וואס איז דען דאס נוגע דער פראגע וועגען דיא ארימקייט, וואס הערשט איצט, אין דער געגענווארטיגער צייט, אין אונזער געזעלשאפט? צו קען מען דען אננעהמען דיא איצטיגע ארימקייט און עלענד פאר א געזעץ פון דער נאטור אויף דעם סמך, וואס אין דער וויטער צוקונפט קען קומען אזא צייט, ווען דיא נאטור וועט ניט זיין בכח צו שאפען חיונה פאר דיא גאנצע בעפעלקערונג?

אמת טאקי מאלטהוס בעווייזט זעהר קלאר און אונבעשטרייטליך, אז עס עקזיסטירט א געוויסע שייכות צווישען דיא פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג און דיא מאס לעבענס־מיטלען וועלכע ס׳זיינען פאראן במזומן. אבער וויא ווערט ביי איהם דיעזע שייכות בעוויזען? „מען זעהט — זאגט מאלטהוס — אז ווען עס איז דא ווייניג לעבענסמיטלען, קומען פאר ווייניג חתונות, פערשפרייטען זיך מעהרער קראנקהייטען, עס פערגרעסערט זיך דיא שטערבליכקייט און דיא בעפעלקערונג ווערט קלענער.״ יא, אז דיא בעפעלקערונג איז אבהענגיג פון דיא לעבענס־מיטלען, אז דיא לעצטע רעגולירען דיא ערשטע איז אן אמת, אין וועלכען מען קען גאר ניט צווייפלען. אבער צו בעווייזט דען דיזער כלל, אז דיא ארימקייט איז אלע מאל א פועל יוצא, א רעזולטאט פון דער צו גרויסער בעפעלקערונג? ווען מיר זאגען, אז טישען צ״ב ווערען געמאכט נאר פון האלץ, איז דערפון נאך ניט געדרונגען, אז פון האלץ מאכט מען נאר טישען! פון האלץ קען מען מאכען אויך הייזער, ביינק, וואגענס א. ז. וו. ווען די בעפעלקערונג איז אבהענגיג פון ארעמקייט, קען מען נאך דערפון ניט ברייננגען א ראיה, וויא מאלטהוס טהוט, אז דיא ארימקייט איז א פועל יוצא נור פון דער בעפעלקערונג. דאס איז אן אונגעהייער גרויסער פעהלער אין דיעזער גאנצער לעהרע.

מען דארף זיין בלינד ניט צו זעהען, אז אין דעם עלענד, וואס עקזיסטירט איצט אין אונזער געזעלשאפט, זיינען ניט שולדיג דיא נאטירליכע געזעצען, נאר אמת׳ע געזעלשאפטליכע אורזאכען, דיא ניט ריכטיגע געזעצען פון אייגענטהום, דיא ניט גלייכע פערנאנדערטהיילונג. מענשען זיינען ארעם, לײדען נויט דערפאר, ווייל אנדערע זיינען צו רייך, ווייל אנדערע נעהמען צו פיעל. דיא ארעמקייט אין דער געזעלשאפט איז ניט דעריבער, ווייל דיא נאטור איז ארעם, נאר דעריבער, ווייל מענשען זיינען צו רייך.

מאלטהוס בעווייזט נאר, אז דיא פערשיעדענע פאקטארען, וועלכע פערקלענערען דיא בעפעלקערונג (קראנקהייטען, שטערבליכקייט, פערשיעדענע פערברעכען) זיינען א רעזולטאט פון דער מענשליכער ארעמקייט, אז דיזע מענשליכע ארימקייט איז דיא סיבה פון דעם, וואס דיא בעפעלקערונג פערקלענערט זיך. אבער דערמיט איז דאך נאך ניט בעוויעזען (ווייל דאס איז אין אמת׳ן אונבעווייזבאר) אז דיזע פאקטארען זיינען א רעזולטאט פון דער נאטירליכער ארימקייט, פון דער צו גרויסער בעפעלקערונג. אין דעם בעשטעהט דיא גאנצע וויסענשאפטליכע פאלשקייט פון מאלטהוס׳עס טעאריע, וואס ער, מאלטהוס, האט פערביטען דיא סיבה, די אורזאכע פאר א יוצא, פאר א רעזולטאט, און דיא מענשליכע ארימקייט פאר א נאטירליכע. זען פריי זיך ענטוויקלען. מען האט ניט געזע־

דיא ערגסטע צייטען לעבט מען איבער אין א קריזיס, דאן טרעטען אלע פאקטארען אפען ארויס צו פערקלענערען דיא בעפעלקערונג: צו איז דען דאס אבער, ווייל עס זיינען במציאות ניטא קיין לעבענס־מיטלען פאר דיא בעפעלקערונג? עס הויבט זיך גאר ניט אן! פארקהערט, דיא קריזיסען קומען, ווייל עס זיינען דא צו פיעל לעבענס־מיטלען. דא הונגערט מען און דארטען פוילען פראדוקטען אין פערשיעדענע סקלאדען און פאבריקען. פראדוקטען זיינען דא גענוג, זיי זיינען נור שלעכט פערטהיילט, און פערטהיילט זיינען זיי שלעכט דעריבער, ווייל עס עקסיסטירט דאס פערשאלטענע געזעץ פון פריוואט אייגענטהום אויף דיא פראדוקציאנס־מיטלען.

עס זיינען בעוואוסט פאַקטען, וואו א גרויסע קאַפּיטאַליסטען, מאַכענדיג אַ סינדיקאַט, יד אחת, פערניכטען ממש בידים פערשידענע רייכטימער, אויסגעארבייטע פּראָדוקטען, כדי זיי זאָלען זיין וויניגער אויפ'ן מארק, און דיא קאָנקורענץ און דער אָנבאָט אויף סחורות זאָל דעריבער שוואַכער ווערען, אין דער צייט, וואו מענשען געהען ארום באָרוועס און נאַקעט, פערהונגערט און פערפראָרען. (אזא פאַקט איז פאָרגעקומען ניט לאנג אין דייטשלאַנד — אין דער וועבעריי־אינדוסטרי).

אין אינדיען, סיביר און נאָך פיעל ערטער שטאַרבען אויס זעהר פיעל ווילדע שבטים, פון הונגער, דחקות און נויט, אָבער ניט דעריבער, ווייל עס זיינען דאָרטען ניטאָ קיין לעבענסמיטלען, וויא מיר וויסען איז דאָרט דיא נאַטור זעהר רייך, דער באָדען פרוכטבאַר, פיעל פרוכטבאַרער, וויא אין אייראָפּאַ. דאָרטען געהען זיי אונטער, ווייל זיי פערשטעהען ניט, וויא זיך צו בענוטצען מיט דיא רייכקייטען פון דער נאַטור. ניט דיא נאַטור איז אָרים, נאָר דיא מענשען זיינען אונענטוויקעלט, ווילד — און דיזע ווילדקייט איז דיא סיבה פון'ם מענשען'ס דלות און עלענד.

איבעריגענס, אַז מאַלטוס אליין האָט פערטהיידיגט דיא אינטערעסען פון זיין קלאַס א סך מעהר, וויא דיא אינטערעסען פון דער ריינער וויסענשאַפט, אין וועמען'ס נאָמען ער האָט אזוי פיעל גע'דרש'עט, ווייזט אונז דער פאַקט, וואָס ער האָט געהאַלטען שטאָל און אייזען פאַר דיא פּאָדערונגען פון דיא גרויסע ענגלישע גרונדבעזיצער ארויפצולייגען אָבצאָהלונגען און פּאַשלינעס אויף דיא אריינגעפיהרטע תבואות. אַלס א תלמיד פון אדאם סמיטה, האָט ער, פערקערט, בעדאַרפט זיין אַ שטאַרקער געגנער פון פּראָטעקציאָניזמוס. זיין אַרויסטרעטען פיר זייערע פּאָדערונגען וואַרפען אַ שטאַרקען חשד, אַז זיין גאַנצע תורה האָט ער נאָר בענוצט פאַר א פייגענבלאַט צו צודעקען זיך, אום ס'זאָל זיין בעסער צו שיסען פיילען אויף דיא עלענדע און אונגליקליכע.

מאַלטהוס איז אפילו געווען פאַר דיא געזעצגעבונג צו בעשיצען די ארבייטער געגען די קאַפּיטאַליסטען. דאָס וואַרפט נאָך אָבער מעהר שאַטען־זייטען אויף זיין פּערזאָן, דערפון זעהט מען קלאָהר אַז דיא אינטערעסען פון זיין קלאַס זיינען איהם געווען טהייערער וויא אַלס, אפילו פאַר זיינע איבערצייגונגען. מאַלטוס איז געווען, וויא געזאָגט, אַ פאַרשטעהער פון דיא גרויסע גרונד־בעזיצער, וועלכע זיינען געווען פאַר פּאַשלינעס אויף תבואות, דיא קאַפּיטאַליסטען זיינען אָבער געווען געגען אַזוינע פּאַשלינעס. מען האָט בעדאַרפט אויף דעם אופן געווינען דעם ארבייטער קלאַס און אויפצוהעצען איהם געגען דיא קאַפּיטאַליסטען. דאָס איז דיא אורזאַכע, וואָס מאַלטהוס איז מיט א מאָל געוואָרען אזא גרויסער צדיק צו בעשיצען דיא ארבייטער אינטערעסען. דען געהענדיג לשיטתו האָט ער ניט בעדאַרפט זיין פאַר אזא געזעץ־געבונג.

מיין ליעד.

ס'האָט מיר ערצויגען א מאַמע א גוטע,
כה'אָט מיר האַליובעט דיא שעהנע נאַטור,
און דאָך איז מיין ליעדעל, פול אומעט און טרויער,
פון פרייליכעס דאָרטען, געפינט איהר קיין שפור.

און ווייסט איהר ווארום איז פון טרויער געשאַפען
מיין ליעד, וועלכע פריילאַך האָט נור געדאַרפט זיין?
דאָס האָט מיר דער לעבען געלערענט צו שאַפען,
דער לעבען פול אנגסט, פול צרות און פיין . . .

און זאָלען פארשווינדען דיא קייטען פון שקלאַפען,
איך זאָל בליהען די וועלט, מיט גליק און מיט פריעד,
אָט דאַן וועט איהר זעהן, ס'ארא מייסטער צו שאַפען
בין איך אויף א גוטע און פרעהליכע ליעד . . .

א. שיינוק.

* * *

דיא זונן פערגייט, דיא זונן פערגייט,
און פאלט ביין בארג ארונטער,
וואו קומט זיא אהין? צו יועט זיא נאָך
דאָ ווידער אויפגיין מונטער? . . .

מיין הארץ פערגייט, מיין הארץ פערגייט,
און וועלקט און זינקט אנידער,
וואו גייט זיא פאָרט? צו וועט מיין הארץ
נאָך הערליך בליהען וויעדער? . . .

יואל סלאָנים.

ציוניזמוס, טערריטאָריאַליזמוס און סאָציאַליזמוס.

פון יעקב מילך.

דאָס „נעגאַטיווע“ פּראָלעטאַריאַט.

.7

אונז בלייבט יעצט איבער נאָך איין פונקט צו בעטראַכטען, דעם פונקט: צו דיא אידען פּראָלעטאַריזירען זיך? צו זיי בעלאַנגען צום „פּאָזיטיווען“ אָדער צום „נעגאַטיווען“ פּראָלעטאַריאַט? און דאָס איז נאָך אַלעם דער וויכטיגסטער פונקט. ביז יעצט האָבען מיר געזוכט צו בעווייזען וויא פאַלש עס איז די לאָגיק פון די סאָציאַליסטען טעריטאָריאַליסטען. מיר האָבען געזוכט צו בעווייזען, אַז זייער מאַרקסיזמוס איז קיין מאַרקסיזמוס ניט, אַז דיא גאַנצע טהעאָריע פון „נאַציאָנאַלע אינדוסטריע“, מיט דעם „נאַציאָנען־קאַמפּף“, מיט דיא מאַססען־עמיגראַציאָן אַלס פאָלגע איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך. נו, קענען יעצט קומען דיא סאָציאַליסטען־טערריטאָריאַליסטען און פרעגען אַ פּראָסטע קשיה. זיי קענען זאָגען: איהר האָט רעכט! מיר ווילען זיך מיט אייך ניט שפּאַרען, אונזער טהעאָריע איז אַ פאַלשע. וואָס הערט זיך אָבער מיט דעם ספּעציעלען אידישען עלענד? וואָס הערט זיך מיט דעם, וואָס מען לאָזט דיא אידען ניט אַריין אין דיא גרויסע פאַבריקען? זיי קענען אַלזאָ איבערדרייען דעם פּעלץ און צו מיר זאָגען: איהר זייט דאָך עפּעס אַ כשר'ער מאַרקסיסט, וויא אַזוי ערקלעהרט איהר דאָס, וואָס גראָד אידען לאָזט מען ניט אַריין אין דיא גרויסע פאַבריקען? און טאָמער וועל איך זיך וועלען אַרויסדרייען פון אַ שווערע לאַגע און זאָגען, אַז דיא גאַנצע מעשה איז ניט אמת, וועלען זיי מיר אויפמישען דעם גרויסען, טויזענד־זייטיגען בוך, וואָס דיא יק"א (יודישע קאָלאָניזאַציאָנס אַססאָציאַציאָן — יק"א) האָט אַרויסגעגעבען און וועלען מיך בעשיטען מיט אַ מאַסע ציפערן און פאַקטען, וועלכע בעווייזען, אַז דיא אידען קענען ניט אַריין קומען אין דיזע פאַבריקען. זיי וועלען נאָך געהן ווייטער און זאָגען: אפילו אין אַמעריקאַ, אַרבייטען דיא אידען אויך נור ביי דיא אָבגעשטאַנענע אינדוסטריען, און דאָס בעווייזט, אַז אידען זיינען ניט קיין אמת'ע פּראָלעטאַריער.

צו זיי וועלען דאָס פרעגען צו ניט, ווייס איך ניט, עס איז אָבער קיין צווייפעל ניט, אַז דאָס איז דיא וויכטיגע פראַגע, אַז דאָס איז איינס פון זייערע וויכטיגע אַרגומענטען. איך וויל דערפאַר אין דיזען קאַפּיטעל בעהאַנדלען דיזע פראַגע.

אָבער צו ענטפערן אויף דיזע פראַגע זיינען נויטווענדיג איינינגע זייטיגע בעמערקונגען:

איין פונקט פון דער מאַרקסיסטישער לעהרע בעשטעהט אין דעם, אַז דאָס גרויס־קאַפּיטאַל טרייבט אַרויס פון מאַרק דיא קליינע אונטערנעהמער, אַז דיזע קענען ניט בעשטעהן דיא קאָנקורענציע פון דיא גרויסע פאַבריקאַנטען, און זיינען פער'משפּט אונטערצוגעהן און פאַלען אַריין אין דיא רייהען פון דעם פּראָלעטאַריאַט. איבער דיזען פונקט געהט אָן אַ גרויסע פּלוגתא. דיא קריטיקער פון מאַרקס'ן זאָגען, אַז דאָס איז ניט וואהר. עס איז ניט אמת, זאָגען זיי, אַז דיא מיטעל קלאַסע געהט אונטער, עס איז פונקט פערקעהרט, זיא האַלט אין איין וואַקסען. אַנשטאַט דעם וואָס דיא קליינע אונטערנעהמער זאָלען אַריינפאַלען אין דיא רייהען פון דיא אַרבייטער, טרעפט זיך פונקט פערקעהרט, אַז פיעלע אַרבייטער כאַפּען זיך אַריין אין דיא רייהען פון דיא מיטעל קלאַסע, אַז זיי ווערען קליינע פאַבריקאַנטען. דיזע בעהויפּטונג זייערע בעווייזען זיי מיט אַ גאַנצען באַרג ציפערן. דיא טענה איז אַלזאָ: דיא מיטעל קלאַסע פּראָלעטאַריזירט זיך ניט. אין רוסלאַנד איז אָנגעגאַנגען אַ ליטעראַרישער שטרייט 25 יאָהר לאַנג איבער דיזען פונקט. מאַרקסיסטען האָבען געזאָגט, אַז רוסלאַנד וועט מוזען דורכמאַכען דיא קאַפּיטאַליסטישע עפּאָכע, גראַדע וויא אַלע אַנדערע לענדער, איידער עס וועט דאָרט קענען קומען צו סאָציאַליזמוס. דיא געגנער ווידער האָבען דאָס אָבגעלייקענט. זייער טענה איז געוועזען, און איז נאָך צו אַ גרויסען טהייל ביז היינט צו טאָג, אַז רוסלאַנד קאַפּיטאַליזירט זיך ניט און פּראָלעטאַריזירט זיך ניט אַזוי וויא אַנדערע לענדער. און זיי האָבען אויך „בעוויזען“ זייערע בעהויפּטונג מיט ציפערן. דיא ס. ס. האָבען יעצט אויפגעהויבען דעם זעלבען געשריי וועגען די אידען, מיט דעם אונטערשיעד, וואָס יענע האָבען געמאַכט, און מאַכען דיזע בעהויפּטונגען, אום צו בעווייזען דיא פאַלשקייט פון מאַרקס' לעהרע, וועהרענד דיא ס. ס. מאַכען דיזע בעהויפּטונג גראַדע צוליעב דעם מאַרקסיזמוס.

איך קען זיך דאָ ניט אַריינלאָזען אין דעם גאַנצען וכוח, איך וויל נאָר זאָגען, אַז דיזע אַלע בעגרייפען ניט דעם כאַראַקטער פון דיא קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע; זיי זעהן ניט איין, אַז דיא אַלע זאָגענאַנטע קליין־אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען טראָגען אין אמת'ן א גרויס־קאַפּיטאַליסטישען כאַראַקטער, אַז דיא אַלע קליינע מייסטערלעך זיינען אין אמת'ן ניט מעהר וויא „ארבייטער“ פון דיא גרויס־קאַפּיטאַליסטען; — „אַרבייטער“, וועלכע האָבען דיא געלעגענהייט אויסצוצאַפּען אנדערע ארבייטער אונטער זיך.

דיא הויפּט כאַראַקטעריסטיק פון די גרויס־אינדוסטריע איז, וואָס דער אַרבייטער איז אָבגעריסען פון געצייג, און וואָס ער האָט קיין שייכות ניט מיט זיין אַרבייט־געבער; וואָס ער פערקויפט זיין ארבייטס־קראַפט אלס „פרייער“ מענש אויף אַ בעשטימטע צייט, פאר אַ בעשטימטע סומע, און וואָס דער קאָנטראַקט צווישען דעם ארבייט־געבער און אַרבייטער, זייענדיג אַ קאָנטראַקט צווישען צוויי „גלייכע“ און פרייע מענשען, קען צו יעדע צייט געבראָכען ווערן פון יעדען פון דיא צוויי צדדים. ווער עס אַרבייט אונטער דיזע סיסטעמע, ארבייט אונטער אַ קאַפּיטאַליסטישע סיסטעמע און איז אונטערוואָרפען אַלע פאָלגען פון קאַפּיטאַליזמוס.

עס איז גענוג צו בעטראַכטען דיעזען איין פונקט, מען זאָל איינזעהען, אַז דיא זאָגענאַנטע קליין אינדוסטריע איז אין אמת'ן אַ טהייל פון דיא גרויס־קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן, מיט צוויי אויסבייטער אָנשטאָט איינעם. אין אַמעריקא קען מען דאס אמבעסטען זעהן: מיר האָבען דאָ זעהר פיעל קליינע פאבריקען. אָבער ווען מען קוקט זיך צו צו דעם כאראקטער פון דיזע פאַבריקען, זעהט מען גלייך, אַז אַזאַ „פאַבריק“ איז נור אַ קליינע טהייל פון אַ גרויסע פאבריק. דער „אונטערנעהמער“ איז אין אמת'ן נור אן אגענט פון אַ גרויסען פאַבריקאנט אָדער סוחר, און טראָטץ דעם, וואָס אַזאַ „אונטערנעהמער“ לעבט אָפּט בעסער וויא זיין אַרבייטער, (און אמאָהל אויך ערגער) איז ער אָבער עקאָנאָמיש ניט בעסער געשטעלט פון דעם אַרבייטער. ער איז גראדע אזוי אבהענגיג פון דעם גרויסען קאַפּיטאַליסט, וויא דער ארבייטער. דער פּלאַטץ וואו זיין פאבריק געפינט זיך, איז כודם כל ניט זיין, דאס איז אָבגעדונגען פון דעם איינגענטהימער פון הויז; די קראַפט וואָס טרייבט זיינע מאַשינען, דיא פאַרע אָדער עלעקטריציטעט איז געדונגען פון אַ גרויסע קאָמפּאַניע; דיא מאַשינען זיינען אין דיא מייסטע פעלע אין גאַנצען געדונגען אדער גענומען אויף אויסצאָהלען; דאס רוי־מאַטעריאל קריעגט ער פון דעם גרויסען פאבריקאנט אָדער סוחר פאר וועלכען ער מאַכט דיא אַרבייט. אפילו דאס געלד אויסצוצאָהלען די ארבייטער, מוז דער גרויסער פאבריקאנט יעדע וואָך געבען דיזען כלומר'שטדיגען מייסטער, און עס טרעפט זעהר אָפט, דאס אזא חברה־מאַן, פון אַ „זעלבסטשטענדיגען“ אונטערנעהמער, מאַכט אַ ויברח מיט דיא אָרימע פאָר דאָלאר. און ווי ניעדריג אַזאַ האַנדלונג זאָל ניט זיין, איהר קענט זיכער זיין, פון גרויס נחת און רייכטהום טהוט ער עס געוועהנליך ניט. מיט 2—דריי הונדערט דאָלאַרס ענטלויפט מען געוועהנליך ניט פון נחת. רעדט מיט דער סטאַטיסטיק, איז ער פאר איהר אַ זעלבסט־שטענדיגער אונטערנעהמער, רעדט מיט דיא סאָציאליסטען טערריטאָריאליסטען, זיינען דיא ארבייטער פון אזא, „פאבריק“ ניט קיין „פּאָזיטיווע“ פּראָלעטאַריער, אין אמת'ן אָבער זיינען צעהן אָדער צוואנציג אזעלכע פאבריקען איין גרויסע פאבריק. און דיא ארבייטער גאַנץ „כשר'ה“, פּ אָ ז י ט י ו ו ע פּראָלעטאַריער. אויסער דיזען מוז מען אין זינען האָבען, אַז דער קאַפּיטאַליזמוס האָט בעשאַפען אַ גאַנצע רייהע פון נייע און הילפס „אינדוסטריען“. ווי דאס פערריכטען פון מאַשינען, שלייפען שערען און גרויסע מאַשין־מעסערס, פערריכטען בייסיקלאָך (וועלאָסיפּעדען) א. ז. וו. וועלכע זיינען פון נאַטור קליינע אונטערנעמונגען. דיא גרויסע שטעדט, וועלכע זיינען אויך אַ פאָלגע פון קאַפּיטאַליזמוס, האָבען בעשאַפען אַ גאַנצע מאַססע ארבייטער, וועלכע קוקען ניט אָן קיין מאַשין אין זייער לעבען, וויא דיא קאָנדוקטאָרס און טרייבער אויף דיא קארס (טראָמוויי'ס), האַפען ארבייטער א. ז. וו. דער קאַפּיטאַליזמוס האָט אויך בעשאַפען א געבילדעטעס פּראָלעטאַריאט, וויא אַרכיטעקטאָרס, אַפּטייקערס, בוכהאַלטערס, פערשידענע צייטונג שרייבער, קלערקס (פּראָקאזשטשיקעס) א. ז. וו. ווער עס זאָגט, אז דיעזע אלע זיינען ניט קיין פּאָזיטיווע פּראָלעטאַריער, ווער עס זאָגט, אז דיזע אלע קענען ניט נעהמען קיין אויפבויענדען אַנטהייל אין דער סאָציאלער רעוואָלוציאָן, ווער עס זאָגט, אז נור דיא וואָס שטעהען ביי דיא גרויסע רעדער פון דיא גרויסע מאַשינען, זיינען דיא איינציגע, דיא אמת'ע, דיא פּאָזיטיווע פּראָלעטאַריער; ווער עס זאָגט דאס, דער פער־

שטעהט ניט דעם מעכאניזמוס פון קאפיטאליזמוס, דער פערשטעהט נאך וועניגער דיא לעהרע פון מארקס. דער קען ניט, און האט קיין רעכט ניט, צו מאכען נייע טהעאריעס. דאס איז איינס. צווייטענס, מוז מען בעטראכטען דעם כאראקטער פון דער סטאטיסטיק גופא מיט וועלכען דיא ס. ט. בעווייזען, אז דיא אידען פראלעטאריזירען זיך ניט.

מ. אפענהיימער, ריידענדיג וועגען אזא סארט סטאטיסטיק זאגט: דיא סטאטיסטיק איז וויא א ווייכע טייג, מען קען איהר קנעטען און בויגען וויא מען וויל נור אליין; מיט א ביסעל דיאלעקטישע שווארץ־קינסטלעריי, קען מען מיט סטאטיסטיק בעווייזען, וואס מען וויל נור אליין.

דאס איז נור א האלבער אמת, וויא מיין פריינד ל. בודין בעמערקט ריכטיג אין זיין גרויסער אויסגעצייכענטער ענגלישער ארבייט איבער מארקסיזמוס. אין „אינטערניישאנאל סאשיאליסט רעוויו“ מיט אזא סארט סטאטיסטיק, זאגט ער, קען מען גאר ניט בעווייזען. סטאטיסטיק־ציפערן, גראדע וויא פאקטען, בעווייזען אליין גאר ניט. מיט זיי קען מען נור בעווייזען עטוואס, ווען מען ברענגט זיי אין א געוויסע שייכות, אין א געוויסען לאגישען צוזאמענהאנג. איך קען אייך למשל בעווייזען מיט ציפערן, אז 99 מענשען וואס האבען ניט דעם טאג איבערצולעבען, פערמאגען יעדער צו 5 מיליאן דאל. אלץ וואס איך וועל טהון, איך וועל צו דיא 99 אביונים צושטעלען דעם הונדערט־פאכיגען מיליאנער קארנעגיע. איך וועל דאן מאכען אזא חשבון: דא האבען מיר הונדערט מענשען צוזאמען מיט א פערמעגען פון 500 מיליאן דאלאר. קומט אויס 5 מיליאן דאלאר אויף א חלק. דער חשבון איז צדק, אבער בעוויזען, האב איך, גאר ניט.

אויף אזא אופן בעווייזט מען אונז טאקי אז אמעריקא איז דאס רייכסטע לאנד אין דיא וועלט, און דיא אמעריקאנער—דיא גליקליכסטע מענשען. צו דיא פיעלע מיליאנען פון אמעריקאנער שנארערס, שטעלט מען צו דיא עטליכע טויזענד פיעלפאכיגע מיליאנערען און מען צוטהיילט דאס גאנצע געלד פער קאפ. דאס געלד בלייבט ביי דיא מיליאנערען און דער חשבון ביי דיא קבצנים.

אז דיזע סארט סטאטיסטיק בעווייזט גאר ניט, האבען פיעלע געלערנטע שוין איינגעזעהען, און זיי האבען אויפגעהערט צו געברויכען דורכשניטס־סטאטיסטיק.

דאס אידישע פאלק, איז אבער נאך אלץ געשטראפט מיט דיעזע סארט סטאטיסטיק. און צווישען אלע צרות און רדיפות וואס דאס אידישע פאלק האט געהאט און האט נאך יעצט אויסצושטעהן, איז דיא סטאטיסטיק געווען ניט דיא קלענסטע. פריינד וויא פיינד פערפאלגען איהם אונאויפהערליך מיט סטאטיסטיק. פון דיא פאגראמען, וועט איהם אפשר דיא דומא העלפען, אדער דיא זעלבסט־שוץ, אדער דיא רעוואלוציאן אין רוסלאנד; פון סטאטיסטיק זאל איהם נור איין גאט העלפען! וואס האט מען שוין אלץ ניט בעוויעזען אויף אידען מיט סטאטיסטיק? „דאס אידישע פאלק געהט אונטער.“ „דאס אידישע פאלק פערמעהרט זיך“; ביי „דיא אידען איז דא א גרויסער צאהל משוגעים“, ביי אידען זיינען דא א סך גאונים“, „אידען גיבען ארויס א גרויסען צאהל דאקטוירים“, „אידען זיינען מעקלערס און שווינדלערס“, אידען פערכאפען אלע מלאכות“, „אידען לאזט מען ניט אריין אין דיא פאבריקען“, א. ז. וו. א. ז. וו. און אלעס דאס ווערט בעוויעזען מיט סטאטיסטיק, וויסענשאפטליך, זא צו זאגען. דאס אינטערעסאנטע דאביי איז, וואס זיי האבען אללע רעכט, וואס זיי זאגען אלע דעם אמת, און דאס הייסט אזוי פיעל, אז זיי האבען אלע אונרעכט, אז זיי זאגען אלע ניט דעם אמת, מיט איין ווארט: אז זיי בעווייזען גאר ניט. און דאס קומט פון דעם וואס דיזע אלע בענוטצען זיך מיט דיא דורכשניטס־סטאטיסטיק, מיט דיא מעטהאדע, וואס דיא וויסענשאפט פארווארפט.

איך וויל זיך דא ניט אריין לאזען אין דיא פערפלאנטערטע און נוטצלאזע פראגע: צו זיינען אידען א פאלק צו ניט? צו האבען זיי דיא סמנים פון א פאלק צו ניט? אזעלכע קשיה'ס ווערען זעהר אפט פארענטפערט אויף דעם שלאכט־פעלד. איך פערזענליך גלויב, און פיהל, אז אין זעהר פיעלע הינזיכטען זיינען אידען יא א פאלק. אבער יא א פאלק צו ניט א פאלק, קיין סאציאלע אדער פאליטישע איינהייט זיינען אידען געוויס ניט, און ווען סאציאלע און פאליטישע אומגעבונג ווירקען אויף מענשען, דאן וועלען די פראנצויזישע אדער די דייטשע אידען זיך אונטערשיידען פון דיא פוילישע און ליטווישע אידען אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל די פראנצויזישע אדער דייטשע סאציאלע און פאליטישע אומגעבונג איז פערשיעדען פון דיא פוילישע און ליטווישע. נעהמען דיזע אללע אידען און ווארפען אין איין טאפ אריין און זיי אבשיידען פון אלע ניט אידען איז פאלש. און דיא דייטשע „יהודים“ טהוען דאס טאקי ניט, זיי שרייען געוואלד, אז זיי שטעהען העכער פון דיא „פאליאקען“. גראדע אזוי פאלש, און נאך פיעל פאלשער, איז עס צו מאכען א פערגלייך

צווישען דיא אידען פון ווארשוי און די פוילישע בלאָפּעם פון ווארשעווער גובערניע, אָדער צווי־שען דיא אידען פון אָדעססא און דיא מוזשיקעס פון כערסאָנער גובערניע, און דאס איז גראדע וואָס אונזערע סטאַטיסטיקער טהוען. זיי ווייסען פון קיין אנדערע וויא רעליגיעזע אונטערשיע־דע; זיי קענען נור אידען און—ניט אידען. אַלע וואָס גלויבען אין תורת משה בעלאנגען צו איין קאטעגאָריע, אַלע וואָס גלויבען אין ברית חדשה בעלאנגען צו אַ צווייטע קאטעגאָריע, אַלע אַנ־דערע אומשטענדען וויא ערציהונג, בעשעפטי־גונג, וואָהנפּלאַטץ, עקאָנאָמישע אומשטענדען א. ז. וו. עקזיסטירען פאר זיי ניט, זיי ווייסען פון אידען און ניט אידען. דאדורך קען מען בעוויי־זען וואָס מען וויל נור אַליין, דאדורך בעווייזט מען אין אמת'ן גאָר ניט.

איין ביישפּיעל וועט דאס קלאָהר מאַכען: וויא אזוי געפינט מען אויס, למשל, אז ביי אי־דען איז דאָ מעהר משוגעים וויא ביי ניט אי־דען? דיא חכמים טהוען אזוי: מען נעהמט אַ געוויסע גובערניע אין רוסלאנד, און מען גע־פינט אויס וויעפיעל קריסטען עס וואָהנען אין דיזע גובערניע און וויפיעל אידען עס וואָהנען, און עס קומט אויס, לאָמיר זאָגען 1 איד אויף 10 קריסטען, דאן בערעכענט מען וויפיעל משוגעים —אידען און קריסטען—עס זיינען פאראן אין דיעזע גובערניע און מען געפינט אויס, אז אויף יעדע 8 משוגענע קריסטען געפינט זיך איין משוגענער איד, און דער חשבון איז קלאָהר, אז דער פּראָצענט פון משוגעים ביי אידען, איז גרע־סער וויא ביי קריסטען. דאָס זעלבע טהוט מען, לאָמיר זאָגען מיט דאָקטוירים און מען געפינט אויס, אז אידען גיבען אַ גרעסערען פּראָצענט דאָקטוירים. דאביי פערגעסען דיזע חכמים, אז אודאי דריי פיערטעל פון דיא איינוואָהנער, זיי־נען מוזשיקעס, וועלכע גיבען ניט ארויס איין דאָקטאָר אין הונדערט יאהר, און וועלכע גיבען אויך ארויס זעהר וועניג משוגעים, צו־ליעב זייער שטילען, שלאָבעריגען, שלע־פעריגען, לאנגזאמען, רעגעלמעסיג און אר־בייטסזאמען לעבען אין דעם דאָרף, וועהרענד די גרויסע שטאָדט מיט איהר אינטעליגענטין, מיט איהר געדרויש און טומעל, מיט איהר לויפעניש און האוועניש, מיט איהר הו־הא, מיט דעם קאמפּף אום'ס דאזיין, מיט דיא מעגליכקייט רייך צו ווערען, מיט איהר אונרעגעלמעסיגקייט פון בעשעפטיגונג, פּראָדוצירט אי דאָקטוירים, אי משוגעים, אי געלעהרטע, אי שווינדלערס, אי ארבייטער אין אַ גרויסע צאָהל. און אז דיא אידען זיינען מייסטענס שטעטישע, גרויס־שטעדטישע בעוואָהנער. ווען מען וויל אַלזאָ אַנשטעלען אַ פערגלייך, מוז ער זיין צווי־שען שטאָטישע אידען מיט שטאָטישע ניט־אי־דען. צו דער רעזולטאט וואָלט ארויסגעקומען פערשיעדען צו ניט, ווייס איך ניט, גענוג איז, אז אזעלכע ציפערן האָבען מיר ניט, און דיא ציפערן וואָס מיר האָבען בעווייזען גאָר ניט.

מיר קענען יעצט צוקומען צו אונזער פראַ־גע:

דיא ס. ט. בעהויפּטען, אז דיא אידען פּראָ־לעטאריזירען זיך ניט. פון וואנען ווייסען זיי דאס? פון וואנען נעהמען זיי, אז מען לאָזט דיא אידען ניט אריין אין דיא גרויסע פאברי־קען? זיי נעהמען דאס פון דיא סטאַטיסטיק. זיי רעכענען אויס, דיא צאָהל פון פאבריקען אין דיא „טשערטא“, דיא צאָהל פון דיא ניט־אידען אין דיזע פאבריקען און דיא צאָהל פון דיא אידישע ארבייטער, און זיי ווייזען אייך, אז אידען קענען ניט אריין אין דיא פאבריקען.

פון דעם אויבען־געזאָגטען וועט דער לע־זער אליין קענען זעהען, אז דער חשבון איז אַ פאלשער. אין דיעזען פאל, איז ער אָבער דאָפּ־פּעלט פאלש, דרייפאך פאלש. ערשטענס האָ־בען זיי ניט קיין ציפערן, דיא ציפערן וואָס דיא „יק"א“ האָט ארויסגעגעבען, „די מאַטעריאלען וועגען דיא עקאָנאָמישע לאגע פון דיא אידען אין רוסלאנד.“ זיינען ניט פאָלשטענדיג און מען קען זיך אויך אין פיעלע הינזיכטען ניט פער־לאָזען אויף זיי, וויא דיא צוזאַמענשטעלער פון דיא „מאַטעריאלען“ זאָגען דאס אויסדריקליך. צווייטענס, זאָגאַר דיזע ציפערן בעווייזען פיע־לעס געגען זיי; און דריטענס, און הויפּטזעכליך, זיי נעהמען נור די ציפערן, ניט נעהמענדיג אין אנבעטראכט דיא אַנדערע אומשטענדען. און צי־פערן אליין זיינען ניט מעהר וויא ציפערן, זיי בעווייזען גאָר ניט.

(שלום פּאָלגט.)

איבער דער וועלט.

(די צוטרייבונג פון דער רוסישער דומא. — סטאָליפּין און זיין „אייזערנע האנד“. — דיא הויפּט־העלדען פון דער רוסישער בעפריואונגס־דראמא און זייערע ראָללען. דיא שוואכקייט פון דיא פּארטייען און דיא שטארקייט פון דער רעוואָלוציאָן. — דיא סאָציאליסטישע כוואלע אין אמעריקא. — דיא סאָציאליסטישע פּארטיי און איהרע אלטע און נייע געגנער. — דיא אבהענגיגקייט פון דער נייער „אר־בייטער פּארטיי.“ — דער קומענדער קאמפּיין און זיינע אויפגאבען. — צוויי סאָציאליסטישע קאָנגרעסען.—

שבת דעם 21טען יולי, פיער אַ זייגער ביי נאַכט איז די ערשטע דומאַ געוואָרען אַ נפטר. דורך אַ גוואַלדזאַמען טוידט איז זיא געשטאָרבען, יונגערהייט, נאָר 73 טעג אַלט.

דיא צוטרייבונג פון דער דומאַ דורך ניקאָלאַיען איז לכל הדעות געווען אַ פּאָליטישער מאָרד, אַ געוואַלט שטרייך. דורך דעם אַקט האָט ניקאָלאַי ווידער אַ מאָל ערקלערט אָפענעם קריעג צו דער רעוואָלוציאָן, צו דער פרייהייטס בעוועגונג. עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פאר דיא לאַגע וואָס דיא „גרויסע“ טהאַט איז אויסגעפיהרט געוואָרען אונטער דעם מאַנטעל פון דער פינסטערער נאַכט, אין אַ צייט, ווען דיא דעפּוטאַטען זיינען געווען אויף צוויי טעג — ביז מאָנטאַג — צופאָהרען. צו שטאַרק אָנציהען דיא סטרונע און ביד־חזקה טאַקע צוטרייבען דיא דעפּוטאַטען, ווען זיי זיינען פערזאַמעלט, דערצו האָט ניקאָלאַי׳ס נייעם דיקטאַטאָר, סטאָליפּינ׳ען געפעהלט דער חושק, אָדער דער מוטה.

סטאָליפּינס ערשטער ארויספאָהר איז באמת געווען אַ פּראָגראַם, אין געוויסען זינן אַ נייע „אָריגינעלע“ פאר זיין ווייטערדיגע רעגיערונגס טהעטיגקייט. דיא פּראָגראַם לויטעט: געוואַלט־טהאטען מיט וואָס ווייניגער געוואלט־געשרייען.

סטאָליפּין׳ס ציעל איז אויסצוראָטען די רעוואָלוציאָן, צו דערשטיקען דיא פרייהייטס־בעוועגונג. יעדער ציעל, יעדער אויפגאַבע דיקטירט שוין געוויסערמאַסען אויך דיא מיטלען, דיא וואַפען.

סטאָליפּין׳ס מיטלען צום ציעל זיינען די זעלבע אלטע מיטלען נאָך פון פלעהווע׳ס צייטען: אונטערדריקונג פון דער פּרעסע — זיא, די געוואלט־שרייערין, האָט געמוזט זיין דער ערשטער קרבן. — דיא שליסונג פון קלאָבס, דער פערבאָט פון פערזאַמלונגען, דיא אַרעסטירונג פון הונדערטע און אָבער הונדערטע רעוואָלוציאָנערע פיהרער, אָדער סתם „שעדליכע“ פּערזאָנען, דיא פערשטאַרקונג פון דער פּאָליציי־מאַכט, דיא פערפעסטיגונג פון דיא אַלטע קייטען, מיט איין וואָרט, דיא אַלטע, העסליכע צאַרישע דעספּאָטיע און פינסטערע רעאַקציאָן.

סטאָלאָפּין האָט אָבער, האַנדלענדיג אזוי נאָך׳ן אַלטען רעגיערונגס קאָדעקס פון דיא ראָמאַנאָוו׳ס, ביז איצט געזוכט אויסצומיידען שרייענדע סקאַנדאַלען, „בעריהמטע“ פערברעכענס. זיין הויפּט געדאַנקען איז, אַז פינסטערע פערברעכערישע טהאַטען מוזען אָבגעטהאָן ווערען אין דער פינסטערניש. זיין קריעגס־פיהרונג געגען דער רעוואָלוציאָן איז מעהר אַ קליין־קריעג. פאר גענעראל שלאַכטען האָט ער מורא.

דיא פרייהייטס־בעוועגונג אין לאַנד האָפט ער אויף דעם זעלבען אופן אין דער פינסטערניש און בעהאַלטעניש צו דערשטיקען, וויא ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער רעוואָלוציאָנערער דומאַ. און דאַן, אויב (?) עס וועט נאָך בלייבען ביים פאָלק ביטערניש און פּראָטעסט, וועט ער זיך „פערזיסען“ דורך „ליבעראַלע“ רעפאָרמען.

אָט דאָס איז סטאָליפּינס רעגיערונגס פּראָגראַם, וועלכע האָט בעקומען דעם נאָמען „רעפאָרמען מיט שטאַרקער האַנד.“

* * *

ווען מיר שרייבען דיא שורות זיינען שוין דריי וואָכען אַוועק פון דעם טאָג, וואָס דיא דומאַ איז צוטריבען געוואָרען. אין פערלויף פון דיא דריי וואָכען האָבען דיא פאַרבען זיך עטליכע מאָל געביטען צווישען שטאָק־שוואַרץ און

פּורפּור־רויט. אי טעג פון טויטער שטילקייט, אי טעג פון רייסענדען שטורם האָבען מיר שוין געהאַט. כמעט אַלע הויפּט העלדען פון דער גרויסער רוסישער דראַמאַ זיינען שוין פאַרביי פאַר אונזערע אויגען אויף דער קאַמפּף אַרענאַ. און דער רעזולטאַט? און דיא אויסזיכטען?

דאָך פריהער דיא פאַקטען.

פון דיא אַלע פיינד פון דער רוסישער זעלבסטהערשונג, וועמען ניקאָלאַי און סטאָליפּין האָבען דעם 21טען יולי ערקלערט אַ פערניכטונגס קריעג האָט אין אָנפאַנג קיין איינציגער ניט אָנגענומען דיא ארויספאָדערונג, קיינער אויסער דיא אָבגעשלאָגטעטע דומא אַליין. עס האָט זיך ניט געפונען קיין קרוב און קיין גואל פאַר דעם יונגען נפטר. דיא שטילקייט און קאַלטקייט מיט וועלכע רוסלאַנד האָט בעגעגענט דיא צוטרייבונג פון דער דומא האָט איבעראַשט דיא וועלט און ניט ווייניגער פאַר אַנדערע זייענען דיא תליונים אַליין געווען איבעראַשט מיט זייער ערפאָלג.

דיא דעפּוטאַטען פון דער דומא האָבען אַפילו דעם ערשטען טריט געמאַכט זעהר אַ רעוואָלוציאָנערען. זיי זיינען אַוועקגעפאָהרען אין פינלאַנד און דאָרט אין טעריאָר, אָבגעהאַלטען זייער זיצונג ווייטער. אָבער עס איז געווען נאָר איין רעוואָלוציאָנערער, ענערגישער טריט. דער קאַמפּף־לוסט האָט אָנגעהאַלטען ביי זיי גאַנץ ווייניג. דיא מוטלאָזיגקייט האָט זיך אויסגעדריקט ניט נור אין דעם, וואָס זיי האָבען געפאָלגט דעם דאָרטיגען גובערנאַטאָר און זיינען זיך צוגאַנגען, נאָר נאָך מעהר האָט מען עס געזעהען אין דעם אויפרוף אַליין. מיט וועלכען זיי האָבען זיך געווענדעט צום פאָלק. דיא פאָדערונגען — ניט צו צאָהלען קיין שטייערן און ניט צו געבען קיין רעקרוטען—זיינען אַפילו זעהר ענערגיש, די שפּראַך איז אָבער אַזאַ געלאַסענע, זאָגאַר טויטע, אַזוי פעסטקייט, אַזוי ווייניג פייער פיהלט זיך אין אויפרוף, אַז עס איז שווער צו האָפען, אַז ער זאָל מאַכען אַ שטאַרקען איינדרוק, אָדער אַז ער זאָל האָבען אַן איבערצייגענדע ווירקונג.

* * *

טרויעריג און פינסטער איז געוואָרען אויפ׳ן הארצען, ווען אַפילו קיין לויה האָט מען דער דומא ניט געגעבען. מיט אַ מאָל איז אָבער געקומען אַ שטורם־ווינד: אַן אָפענער מיליטערישער אויפשטאַנד אין סוועאַבאָרג, און אַ בונט צווישען דיא מאַטראָסען! דיא רעגיערונג האָט געכאַפּט דעם ערשטען קלאַפּ דאָרט, וואו זיא האָט אַמווייניגסטען עס ערוואַרט. און גלייך ביים ערשטען קלאַפּ האָט סטאָליפּין דעם קאָפּ פערלאָרען און דעם צוטרויען פון זיין הערשער פערלאָרען.

דורך דעם איין קליינעם אויפשטאַנד פון עטליכע הונדערט מוטהיגע סאָלדאַטען איז דיא גאַנצע פּאָליטישע לאַגע געענדערט געוואָרען. אַ צומישעניש איז אַריין אין רעגיערונגס לאַגער. סטאָליפּין׳ס שיקזאַל האָט שוין געהאַלטען ביים בעזיגעלט ווערען. אַ מיליטערישע דיקטאַטור — דיא „לעצטע רפואה" ביי דעספּאָטען — איז געוואָרען כמעט וויא אַ געשלאָסענע זאַך. עס האָט אויסגעוויעזען, אַז דיא גרויסע גענעראַל־שלאַכט פון דער רעוואָלוציאָן קומט.

אויך דיא רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבען זיך בעשלאָסען ארויסצוגעהן פון זייער לעטאַרגישען צושטאַנד. זיי האָבען זיך אַרומגעזעהן אַז ניט פאַר „דיא זאַמלונג פון כוחות" איז היינט דיא צייט, נאָר אַז עס זיינען געקומען די מינוטען ווען מען דאַרף מאָביליזירען די כוחות, וועלכע מען האָט שוין אָנגעזאַמעלט.

לאָזען דיא רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטען אַליין אין פעלד אָהן הילף, אָהן סימפּאַטיע, אָהן שטיצע פון דיא רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און פון רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט, דאָס איז געווען אַזאַ מאָראַלישע ניעדערלאַגע פאַר דיא רעוואָלוציאָן, אַזאַ „אַרמוטס־צייגניס", אַז ניט קוקענדיג אויף קיין זאַך האָט געמוזט וואָס עס איז געטהאָן ווערען.

ווידער זיינען ארויסגעשוואָומען דיא אַרבייטסראַטהען פון דיא פּאַרשטעהער פון אַלע פּאַרטייען און אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען. וויעדער איז בעשלאָסען געוואָרן אַ גענעראַל־סטרייק, קודם כל פון דיא אייזענבאַהן־אַרבייטער. מען האָט בעשלאָסען צו געהן דעם זעלבען וועג, וואָס האָט אין אָקטאָבער געבראַכט דיא רוסישע פרייהייט אַזוי ווייט פאָרווערטס.

דער וועג איז געווען דער אַלטער, אָבער דיא אומשטענדען זיינען געוואָרען נייע. אַ סך נייע שטערונגען האָט מען געפונען אויף דעם וועג. דיא רעגיערונג האָט זיך פאָרבערייט דיא גאַנצע צייט צו דעם. דיא אַרבייטער האָט אָבער געפעהלט אַלין: סיי דער מוטה, סיי דיא מיטלען און סיי — וויא עס ווייזט אויס — אויך דיא פיהרער.

און דער גענעראַל־סטרייק איז דעם מאָל ארויס אַ טויטגעבאָרענער. דערווייל איז דער אויפשטאַנד אין סוועאַבאָרג אונטערדריקט געוואָרען. אַנדערע טהיילען פון דער אַרמיי האָבען דעם סוועאַבאָרגער ביישפּיעל ניט געפאָלגט. און דאָס האָט געשאַפען דיא מעגליכקייט אויף פאַר די אַרבייטס־ראַטהען און די רעוואָלוציאָ־

נערע פּאַרטייען צוריקציהען זיך אין דער צייט פון דעם גענעראַל סטרייק.

* * *

שוואַך זיינען געווען די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען דאַן, ווען זיי האָבען אריבערגעלאָזען די צוטרייבונג פון דער דומאַ אָהן אַן ענטפער. אָהנמעכטיג האָבען זיי זיך ארויסגעוויזען ווען זיי האָבען, אונטער דעם דרוק פון די אומשטענדע, געפּרובירט געבען אַן ענטפער. דאָס איז אפילו אַ טרויעריגער פאַקט. אָבער דאָס איז אַ פאַקט, און איהם בעהאַלטען אָדער פערשווייגען הייסט נאַרען נור זיך, ניט דעם שונא.

עס וואָלט אָבער געווען ניט קיין קלענערער טעות דערפון צו ציהען שליסע, אַז געזיעגט האָט די רעאַקציאָן, די זעלבסטהערשונג.

ניין, דער צאַריזמוס אין רוסלאַנד איז שוין לאַנג צום טוידט פער'משפט. צי וועט ניקאָלאַי נאָך ראַטעווען זיין קאָפּ, אָדער ער וועט געהן אויך ווייטער אויף דעם וועג ביז צום עשאַפאָט, דאָס קען מען גענוי נאָך ניט פאַראויס זאָגען. מען קען אויך ניט פּינקטליך אויסרעכענען, וויא פיעל טעג אָדער וואָכען די רעגיערונג וועט קענען שפּיעלען דעם זיעגער, לאַנג, יעדענפאַלס ניט. דאָס איז פעסט און זיכער

די פעסטע איבערצייגונג אין דעם זיעג פון דער פרייהייט האָט פיעל טיעפערע גרינדע וויא די שטאַרקייט פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, אָדער די פעהיגקייט פון די רעוואָלוציאָנערע פיהרער.

די רוסישע רעוואָלוציאָן איז די גאַנצע צייט געמאַכט געוואָרען פון פאָלק, אָהן פיהרער, כמעט אָהן אָרגאַניזאַציאָנען, כמעט אָהן פּאַרטייען. זיא איז די גאַנצע צייט געגאַנגען מיט דער קראַפט פון אַ נאַטור־ערשיינונג, שפּאָטענדיג פון אַלע חשבונות, איבערראַשענדיג אַלע ערוואַרטונגען.

אין אָנפאַנג איז דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט מיט זיין קאַמפּפס־מוטה, מיט זיין רעוואָלוציאָנערען גייסט געווען אַ רעטעניש פאַר דער וועלט; דאַן האָט אויך דער פערשטויסענער רוסישער בויער גענומען מאַכען סורפּרייזען דער פרייהייטס־בעוועגונג. דאַן האָבען איינע נאָך די אַנדערע אפילו די אייזערנע רייפען פון דער אַרמיי־דיסציפּלין גענומען פּלאַצען.

עס איז געווען דער רעוואָלוציאָנערער גייסט, דער קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ פון 120 מיליאָן מענשען, ארויסגערופען דורך די פאָלשטענדיגע צושטערונג פון די אַלטע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע בעציהונגען און אָרדנונגען, וועלכער האָט געטריעבען די רעוואָלוציאָן אַלץ ווייטער און ווייטער. די פיהרער זיינען שטענדיג ארויסגעשטופּט געוואָרען אונערוואַרטעטערהייט.

די רעוואָלוציאָן האָט געגעבען שלאַכטען און געוואונען שלאַכטען, ניט די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. און אָט די רעוואָלוציאָן, די שטימונג צווישען די גרויסע פאָלקסמאַסען איז היינט, נאָך דער צוטרייבונג פון דער דומאַ און דורך די צוטרייבונג פון דער דומאַ, געוואָרען פיעל קאַמפּפס־לוסטיגער, דער פּראָטעסט פיעל ברענענדיגער, די פערביטערונג געגען צאַריזמוס פיעל טיעפער. דער בעוואוסטזיין פון די מאַסען, אַז נאָר פערניכטענדיג די זעלבסטהערשונג קען מען האָפען אויף פרייהייט און רעכט — פיעל אַלגעמיינער און קלאָרער.

די צוטרייבונג פון דער דומאַ קען האָבען און וועט, האָפענטליך, האָבען אויף די מיליאָנען בויערן די זעלבע ווירקונג, וויא עס האָט געהאַט דער בלוטיגער זונטאַג, דעם 22טען יאַנואַר 1905, אויף די ארבייטער מאַסען. זיא וועט צורייסען די לעצטע פעדים צווישען פאָלק און זעלבסטהערשונג. זיא וועט ווייזען אויך די גרויסע בויערן־מאַסען, אַז כל זמן דער צאַר איז אויפ'ן טראָהן איז ניטאָ קיין האָפנונג צו זעהן רוסלאַנד געהיילט פון איהרע וואונדען, דעם פויער געראַטעוועט פון זיין אָרימקייט און הונגער, און די לאַנד בעלויכטען מיט דער ליכט פון פרייהייט און רעכט.

„דער רוסישער בויער קאָכט איבער זעהר לאַנגזאַם פּאָליטישע געשעהענישען", האָט בעמערקט ניט לאַנג דער פּרעזידענט פון דער געוועזענער דומאַ, מוראָמצעוו. די לעצטע געוואַלט טהאַטען פון דער זעלבסטהערשונג זיינען אָבער אַזוינע, אַז עס וועט ניט לאַנג דויערן ביז אפילו דער רוסישער בויער וועט פערשטעהן און בענעהמען זייער גאַנצע היסטאָרישע בעדייטונג.

די טעג פון צאַריזמוס זיינען געצעהלט, און וואָס שפּעטער דער יום הדין וועט קומען, אַלס שרעקליכער דער סוף.

* * *

די רעוואָלוציאָנערע שטימונג פון די גרויסע מאַסען איז אַ פעסטער, זיכערער פונדאַמענט. און רוהיג, אָהן זאָרג קען מען אויף איהם בויען די האָפנונגען אויף די צוקונפט.

די שטימונג פון די גרויסע מאַסען איז עס אויך, וועלכע דער סאָציאַליזמוס האָט גענומען געווינען אויך אין אַמעריקאַ. עס איז היינט מעהר קיין פראַגע ניט, עס איז היינט מעהר קיין ספק ניט: די סאָציאַליסטישע אידעען זיינען ווייט און ברייט פערשפּרייט איבער דאָס לאַנד. זיי זיינען איינגעדרונגען צווישען די פּראָלע־

טאריער מאסען, זיי האָבען זיך זאָגאר אריינ־
געגנב'עט צווישען די בורזשואזנע און קליין־
בורזשואזנע שיכטען.

מיט דער פעסטער איבערצייגונג בעוואָרנט
שטעלט זיך פאַר די צוקונפט פון דער סאָציאַ־
ליסטישער בעוועגונג אין אמעריקא אין א פיעל
העלערן און קלאָהרערען ליכט, וויא ווען עס איז
פריהער. אויף דער וועג ליעגט דאן פיעל גלייכער
און אָפענער פאר דיא אויגען.

עס איז היינט פאר דיא סאָציאַליסטען
פון לאַנד פאראן נור איין אויפגאַבע: צו אָר־
גאניזירען און אין א בעשטימטע פאָרם צו ברענ־
גען די סאָציאַליסטישע שטימונג, וועלכע איז
פערשפרייט אין לאַנד. עס איז היינט הויפטזעכ־
ליך דיא ארבייט פון דעם אָרגאַניזאַטאָר אין
וועלכע דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג נויטיגט
זיך בעזאָנדערס שטארק אין אמעריקא. די לאַנג־
יעהריגע זריעה הויבט אָן צו געבען פרוכט. און די
פראגע איז נאָר, ווי פערהיט מען, אז פרעמדע
זאָלען ניט קומען און בעראבעווען פון דיא סאָ־
ציאַליסטישע פארטיי דיא פרוכטען פון דער לאַנ־
גער סאָציאַליסטישער ארבייט?

* * *

קאנדידאטען צו שניידען דאָרט וואו זיי
האָבען ניט געזייט און אויסצונוצען דיא פּראָ־
טעסט־שטימונג און דיא אונצופרידענהייט פון
דיא מאסען פאר זיך, זיינען דאָ גענוג.

פאָריגען יאָהר איז הוירסט אריינגעשפרונ־
גען מיט זיין מיוניסיפּאַל־אָונערשיפּ, מיט זיי־
נע דעמאַגאָגישע קונצען, מיט זיינע צווידייטי־
גע, האַלב־סאָציאַליסטישע פערשפרעכונגען און
האָט טאקע „געקעפּטשורט" פאר זיך דיא גאַנ־
צע פרוכט פון פאָלקס־פּראָטעסט און פאָלקס־
צאָרן געגען די עקזיסטירענדע בודעל־פּאַרטייען.

דעם נעקסטען קאמפּיין בעקומט דיא סאָ־
ציאַליסטישע פארטיי נאָך א קאָנקורענט אויף
דיא ארבייטער שטימען. דאָס איז דיא „אונאַב־
הייננגיגע" טרייד־יוניאָניסטישע ארבייטער פאַר־
טיי פון גאָמפּערס און קאָמפּאַניע.

פאר פיער חדשים צוריק, אין דעם מאָמענט
ווען גאָמפּערס האָט געגעבען זיין „האַניבאַלס־
שבועה" זיך נוקם צו זיין אָן דיא פּאָליטישענס,
וועלכע האָבען איהם געגעבען האַלז און אַקען,
אָדער וויא ער אליין דריקט זיך אויס „צו בע־
שטראָפען דיא פיינד און צו בעלוינען דיא
פריינד פון דיא ארבייטער", דאַן האָבען מיר
אויספיהרליך ארומגערעדט וועגען דער נייער ער־
שיינונג אין דער אמעריקאנער ארבייטער בע־
וועגונג. פון דאַן האָט דיא נייע פארטיי בע־
קומען נגנויערע פאָרמען, מען קען שוין בעשטי־
מען איהר געשטאַלט.

מען קען ניט זאָגען אז דיא געשטאַלט זאָל
זיין זעהר אַן אנציהענדע. דיא „אונאַבהענגיגע"
ארבייטער פּאַרטיי איז קודם כל גאָר ניט קיין
אונאַבהעיינגיגע. זיא וועט אינדאָסירען קאַנדי־
דאַטען פון ביידע קאַפּיטאַליסטישע בודעל־
פּאַרטייען. זיא וועט — וויא עס ווייזט אויס—
זיין גאַנץ איינג פערבונדען מיט הוירסטען. איצט
נאָך דעם וויא הוירסט האָט זיך אַזוי שטאַרק
אָבגעשאָקעלט פון יעדער מגע־משא מיט'ן סאָ־
ציאַליזמוס; נאָך דעם וויא ער האָט פייערליך
ערקלערט, אז ער איז חלילה קיין מאָל ניט גע־
ווען און איז ניט קיין פיינד ניט פון קליינעם,
ניט פון גרויסען קאַפּיטאַל, איצט וועט דיא
פריינדשאַפט צווישען גאָמפּערס'ן און הוירסטען
קענען זיין א פיעל ענגערע.

גאָמפּערס „פּאַרטיי" וועט דאָס רוב האָבען
איין ארבייט: צו שאַפען שטימען פאר פער־
שיעדענע קאַפּיטאַליסטישע קאַנדידאַטען. דער
פּרייז וועלכען ער שטעלט, דיא הסכמה צו איי־
ניגע ארבייטער־שוץ געזעצען איז אַזא קליינער,
אז עס וועלען זיך געפינען גענוג „כשר'ע" קאַ־
פּיטאַליסטען, וועלכע וועלען דעם פּרייז צאָהלען,
אויב עס וועט זיך נור לוינען פאר זיי.

דורך דעם אליין איז זיא שוין פּאָראויס
דיסקרעדיטירט אין דיא אויגען פון יעדען בע־
וואוסטזיינניגען ארבייטער — אפילו ניט קיין
סאָציאַליסט — וועלכער מיינט ערנסט מיט
דער אונאַבהעיינגיגער ארבייטער פּאָליטיק.
פאר דיא סאָציאַליסטען קען קיין שום קלעהר
ניט זיין וואָס זיי דאַרפען טהאָן: וויא באַלד אז
יא פּאָליטיקס אין דיא יוניאָנס, וויא באַלד אז
יא אונאַבהעיינגיגע ארבייטער פּאַרטיי, דאַן איז
נאָר איין סאָרט פּאָליטיקס מעגליך, סאָציאַליס־
טישע פּאָליטיקס און נאָר איין אמת אונאַבהעיינ־
גיגע ארבייטער פּאַרטיי מעגליך, א סאָציאַליס־
טישע ארבייטער פּאַרטיי.

עס איז שווער פּאָראויס צו זאָגען וואָס
פאר א רעזולטאַטען דיא אריינברייננגונג פון
פּאָליטיקס אין דיא אמעריקאַן פעדערײשאַן אָוו
לייבאָר וועט ברייננגען צו דער סאָציאַליסטישער
פּאַרטיי שוין ביים נעכסטען קאַמפּיין, דערווייל
זיינען אייניגע רעזולטאַטען ניט קיין שלעכטע:
אין פיעל פלעצער האָבען דיא ארבייטער אָרגאַ־
ניזאַציאָנען שוין אינדאָסירט דיא סאָציאַליסטי־
שע פּאַרטיי.

עס איז אָבער ניט שווער פּאָראויס צו זאָ־
גען אז דער היאָהריגער קאַמפּיין מוז ווערען
פאר דיא סאָציאַליסטען א הייסער, ענערגישער
קאַמפּף אויף אַלע פראָנטען; א קאַמפּף מיט דיא
אַלטע קאַפּיטאַליסטישע בודעל פּאַרטייען; א
קאַמפּף מיט דיא אַלטע ארבייטער פערפיהרער,

וועלכע ווילען אריינטראָגען זייער דעמאָראַליזירענדע ווירקונג אויך אין פּאָליטישען פעלד; אַ קאַמפּף מיט אַזוינע פאַלשע דעמאַגאָגען וויא הוירסט, וואָס זוכען אויף דיא ארבייטערס פּלייצעס זיך ארויפצואַרבייטען ביז צו דיא העכסטע שטאַפּלען פון דער געזעלשאַפט, כדי פון דאָרט צו ערקלערען נאכהער זייער ליעבע און אכטונג פאר קאַפּיטאַל.

דיא סאָציאַליסטען האָבען ניט וואָס מורא צו האָבען פאר דעם, וואָס די צאָהל פון דיא נעגנערישע פּאַרטייען וואַקסט. צום פערניכטונגס קאַמפּף מיט דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט זיינען זיי געשאַפען. אין קאַמפּף וועלען זיי זיעגען.

* * *

פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע וועלען נעכסטען חודש צוויי גרויסע פּאַרטייען האָבען זייערע קאָנגרעסען. אָנפאַנג סעפּטעמבער וועט דיא איטאַליענישע פּאַרטיי האָבען איהר קאָנגרעס אין רוים אָדער מאָדענאָ (עס איז דערווייל נאָך ניט בעשלאָסען) און אין מיטען סעפּטעמבער וועט דיא דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָבען אין מאַנהיים איהר קאָנגרעס (פּאַרטיי טאָג.)

ביידע קאָנגרעסען פערשפּרעכען זעהר פיעל בעלעהרענדעס. צום קאָנגרעס פון דער איטאַליענישער פּאַרטיי וועלען דיא דעלעגאַטען קומען געטהיילט אין דריי גרויסע און מעהרערע קלענערע פיינדליכע גרופּען. דאָרט וועלען געגעבען ווערען שלאַכטען און געפיהרט ווערען דעבאַטען איבער דיא פונדאַמענטאַלסטע פּונקטעי פון דער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם און טאַקטיק, און עס איז לייכט מעגליך, אז דיא פּאַרטיי וועט ארויס פון דעם קאָנגרעס, אַ צוריסענע, צושפּאָלטענע אויף עטליכע שטיקער.

וועגען שפּאַלטונגען אין דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָבען שוין אויפגעהערט צו פאַנטאַזירען אפילו דיא געגנער. דאָך ערוואַרט מען אויך דאָרט הייסע דעבאַטען, און שוין פאַראויס-געהען פאר גאַנץ גרויסע סכסוכים. דיא הויפּט שטרייט פּונקטען וועלען זיין: דיא פראַגע וועגען גענעראַל סטרייק און דיא בעציהונגען צווישען דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און דיא געווערקשאַפטען.

מיר וועלען אין דיא ווייטערדיגע נומערן פון „צוקונפט“ געבען אויספיהרליכע אַרטיקלען וועגען דיא ביידע קאָנגרעסען און דיא הויפּט פראַגען, וואָס וועלען דאָרט פאָרקומען.

וועגען דעם צושטאַנד פון דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פאר'ן קאָנגרעס, וועגען דיא ריכטונגען, הויפּט פּערזאָנען און הויפּט פראַגען אין דער פּאַרטיי, וועלען דיא לעזער געפינען אין נעכסטען נומער אַן אַרטיקעל פון אַן אַלטען בעקאַנטען, נעמליך, פון גענאָסע מ. בעער אין לאָנדאָן.

אויפ'ן מאַנהיימער פּאַרטיי טאָג גופא וועט דיא „צוקונפט“ האָבען איהר אייגענעם פערטרעטער. דאָס איז אונזער שטענדיגער מיטאַרבייטער גענ. א. ש. זאַקס. ער פאָהרט קיין מאַנהיים אויפ'ן פּאַרטיי טאָג, געשיקט פון דער „צוקונפט“, כדי פון דער לעבעדיגער קוועלע צו שעפּען זיינע איינדריקע וועגען דעם וויכטיגען פּאַרטיי טאָג פון דער סאָציאַליסטישער מוסטער פּאַרטיי.

דרוק-פעהלערן.

אין דער „צוקונפט“ פון פאָריגען חודש, האָבען זיך צו אונזער בעדויערן אריינגע'גנב'עט איינינע, זעהר אונאַנגענעהמע צומישונגען פון דעם זאַטץ און איינינע דרוק-פעהלערן.

באַזאָנדערס שטאַרק האָט געליטען דערפון דער אַרטיקעל פון מ. קאַטץ איבער ראַמבראַנדט. אַ שטיק זאַטץ פון זייטע 26 האָט זיך אריינגעגנב'עט אויף זייטע 28. דער אַרטיקעל דאַרף געלייענט ווערען אַזוי: נאָך זייטע 25 דאַרף מען אָנהייבען לייענען אויף דעם צווייטען קאָלום פון זייטע 28, פון שורה 19, וועלכע הייבט זיך אָן מיט דיא ווערטער: „אויסגעקינסטעלטע אַלטע בילדער“ ביז צום סוף פון יענער זייטע. דאַן דאַרף מען שוין לייענען כסדר, נור איבער-היפּענדיג יענע שטעלע אויף זייטע 28.

אין דעם אַרטיקעל פון י. מילך, וועגען פיליפּ קראַנץ, איז אויף זייטע 19 אויפ'ן ערשטען קאָלום נאָך דער שורה 6 ארויסגעפאַלען אַ שורה. עס האָט געזאָלט הייסען: „אין דיא צייט, וואָס דיא אידישע צייטונגס שרייבעריי האָט זיך גענומען בעצאָהלען, אַזוי, אַז אַלע מינים שרייבער א. ז. וו.“

אין דעם אַרטיקעל פון פאָרנבערג איבער „דיא נאַציאָנאַלע פראַגע און דיא אידען פראַגע“ זיינען אויף זייטע 50 פארביטען געוואָרען 2 שורות. אַזוי וויא זיי ביידע הייבען זיך אָן מיט די ווערטער „נאַציאָנאַלע פראַגע“ האָט דער זעצער, פיקסענדיג זיי, על פי טעות, זיי איבערגעשטעלט. דיא שורה 9 פון ערשטען קאָלום האָט ער אַוועקגעשטעלט אַלס שורה 18 פון 2טען קאָלום, און פאַרקעהרט.

דער זאַטץ אויף שורה 9 פון ערשטען קאָלום דאַרף געלייענט ווערען: „דיא נאַציאָנאַלע פראַגע איז ערשט אין דיא לעצטע צעהנדליגע יאָהרען“ און ז. וו.

דער זאַץ אויף שורה 18 פון 2טען קאָלום דאַרף געלייענט ווערען: „ניט ווייניגער שוויריגקייטען רופט ארויס דיא נאַציאָנאַלע פראַגע אין יעדער שטאַאט בעזונדער“ און ז. וו.

די צוקונפט

פיר נאוועמבער

וועט ענהאלטען צווישען אנדערע פאלגענדע אינטערעסאנטע און בעלעהרענדע ארטיקלען.

---

1) דער פארטייטאג פון דער דייטשער סאָציאל דעמאָקראטיע
(פון אונזער ספעציעלען קאָררעספאָנדענט) א. ש. זאקס.

2) זשורנאליסטישע עראינערונגען — פון מאָררים ווינטשעווסקי.

3) וויסענשאפטס־פילאָזאָפיע — פון דר. אדאלף הימאָוויטש.

4) דיא עקאָנאָמישע לאגע פון דיא רוסיש אידישע עמיגראנטען, דר. י. רובינאָוו.

5) דיא סאָציאליסטען־טעריטאָריאליסטען אין טעאריע און פראקטיק
(אן ענטפער אויף יעקב מילך׳ס ארטיקלען) פון אב. גאָלדבערג.

6) געדיכטע.

7) אויפ׳ן נעמא׳ן (פאָעמא) — פון י. שווארץ.

8) דיא ערשטע גנבה (סקיצע) — ש. אדלער.

9) הייאוואטהא — לאנגפעללא—יהואש.

10) דיא כהנים אלס סעקטע — מ. פערלמאן.

11) דער סאָציאליזמוס אין גאליציען — פיליפ קראנץ.

12) ארבייטער־בעוועגונג און סאָציאל דעמאָקראטיע אין דער שווייץ,
א. מירקין.

13) דאָס לאבען — דר. ח. ספיוואק.

14) קאָמוניסטישע קאָלאָניען אין אמעריקא — ח. אלעקסאנדראָוו.

15) דער כאראקטער פון טרייד־יוניאָן קאמפף — וו. עדלין.

16) ריקארדאס בעדייטונג אין דער וויסענשאפט — פון א. ש. זאקס.

17) איבער דער וועלט

18) קריטיקען

Entered as Second Class Matter, Post Office at New York

Copyright 1906 by the Zukunft Press Federation

דיא גענאָסען דאשינסקי און מיסאָלעק אדרעסירען א ריעזיגע דעמאָנסטראציאָן לעבען מיצקעוויטשעס
סטאטוע אויף דעם מארק־פּלאץ פון קראקאָוו, דעם 28טען נאָוועמבער, 1905.
(זעה דעם „סאָציאליזמוס אין גאליציען“ פון פיליפּ קראנץ, זייטע 13).

די צוקונפט

No. 10 OCTOBER 1906. Vol. XI

דיא טאַקטיק פון דער דייטשער סאַציאַל־דעמאָקראַטיע.

פון מ. בעער.

מ. בעער.

דיא דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט צו קעמפּפען הויפּטזעכליך געגען צוויי שוויעריג־קייטען. ערסטענס געגען דיא איננערליכע אונ־צופריעדענהייט, וועלכע ווייזט זיך אַרויס אונ־טער דעם נאָמען רעוויזיאָניזמוס צווישען דיא סאָציאַליסטישע שרייבער און אין די געווערק־שאַפטליכע קרייזען; צווייטענס געגען די יעניגע אויסלענדישע סאָציאַליסטען און רעוואָלוציאָנע־רען, וועלכע ווייזען אָן אויף דעם קאָנטראַסט צווישען דער גרויסקייט פון דער פּאַרטיי נאָך דער צאָהל פון איהרע אנהיינגער, און דער קליינקייט פון איהר איינפלוס. אין אמת'ן שטאַמט אויך דער רעוויזיאָניזמוס, כאָטש ער טרעט ארויס אַלס טעאָרעטישע ריכטונג, פון דער טהאַטזאַכע וואָס דער וואוקס פון דער פּאַר־טיי פערגרעסערט ניט איהר איינפלוס. דיעזער שמערצליכער קאָנטראַסט פיהרט צו אונגינס־טיגע אורטהיילע איבער דיא דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און אזוי וויא דיא דייטשע סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע בעהויפּטעט, אז זיא האנ־דעלט נאָך דער לעהרע פון מאַרקסיזמוס, דער־פאַר ווערט מאַרקס אויך אָנגעגריפען.

צוזאַמען מיט דיא רעוויזיאָניסטען געהען אויך פיעלע געווערקשאַפטס־פיהרער, ווייל זיי גלויבען, אַז אַלס דעמאָקראַטישע רעפאָרמער, וועט זיי לייכטער זיין צו בעקומען הנחות פון דיא אונטערנעהמער און צו שטאַרקען דיא יוניאָנס.

ביי דיא אויסלענדישע קריטיקער פון דער פּאַרטיי שפּיעלט אויך אַ ראָללע דיא אַלטע שנאה. אַלטע באַקוניסטען, פּרודאָניסטען, נאַראָדאָ־וואָלצעס א. ז. וו. בענוטצען דיעזע געלעגענהייט אום צו ווייזען דיא פאַלשקייט פון מאַרקסיז־מוס. דיא זאַך ווערט נאָך ערגער דורך דעם, וואָס דיא דייטשען זיינען געוואָהנט איינצו־וויק־לען זייערע מיינונגס־פערשיעדענהייטען אין שווערע פילאָזאָפישע פאָרמען, אנשטאַט זיי אויסצושפּרעכען אין אַ קלארע, פערשטענדליכע

שפּראַך. שליעסליך קומט נאָך צו דיא שוויעריגקייט, וואָס צוליעב מורא אַז דיא פּאָליציי זאָל זיך ניט דערוויסען זאַכען וואָס זיא דאַרף ניט וויסען, קען דיא פּאַרטיי ניט ערקלעהרען איהר טאַקטיק אין אַלע פּרטים. און עס בלייבען פיעל פּונקטען, וועלכע יעדער גענאָססע מוז אַליין פּערענטפּערען.

אויף דעם גרונד פון לעטצטע בעאָבאַכטונגען שיינט מיר דיא לאַגע פון דיא דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וויא פאָלגט.

פּערזענליכע פאַקטאָרען.

פון דיא פיהרער זיינען דיא הויפּט פיגורען: בעבעל און קאַוטסקי צווישען דיא מאַרקסיסטען, בערנשטיין און אייזנער צווישען דיא רעוויזיאָניסטען.

מיר וועלען אָנהויבען פון דיא מאַרקסיסטען. בעבעל איז דער רעדנער און דער אָרגאַניזאַטאָר, דער פּראַקטישער גענעראַל און פעלדמאַרשאַל; קאַוטסקי איז דער דענקער, דער סטראַטעג, די מאַרך פון דער דייטשער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. בעבעל איז ניט קיין פאַנאַטיקער, נאָר אַ מוטהיגער פיהרער, וועלכער קוקט ניט אויף רעכטס און ניט אויף לינקס, נאָר געהט גראַדע אויף צום ציעל. אַ פּראַקטישער פיהרער דאַרף ניט זיין צו פיעל קריטיקער. דאָס נאָכטראַכטען טיעף נאָך אַלע זייטען איז ניט זיין זאַך. דערפאַר אָבער מוז ער זיין אַן עקזעקוטיוועr זשעני; ער מוז קענען בעהערשען מענשען ניט דורך געוואַלט, ניט דורך מורא, נאָר דורך זיין פּערזענליכקייט. אַ גרויסער פיהרער איז וויא אַן אינסטרומענט אין דער האַנד פון דער געשיכטע. ער ראַמט אָפּ דיא שטערונגען, וועלכע ליעגען אויף דעם וועג פון דער מענשליכער ענטוויקלונג. בעבעל מאַכט אָפּט דעם איינדרוק פון אַזאַ פּערזאָן.

אָגוסט בעבעל.

קאַוטסקי איז אַ מענש מיט זעהר אַ גרויסע קאָפּ. וואַהרשיינליך איז ער דער גרעסטער סאָציאַליסטישער דיינקער פון היינטיגער צייט. אפילו צווישען דיא ניט סאָציאַליסטישע געלעהרטע זיינען אויך דאָ זעהר, זעהר וועניג, וועלכע קענען זיך מעסטען מיט קאַוטסקי׳ן אין פּאָליטישע עקאָנאָמיע, פּאָליטיק און געשיכטספילאָזאָפיע. און אַזוי וויא ער איז ניט קיין דייטש, דערפאַר קען ער, ניט אַכטענדיג אויף זיין געלעהרזאַמקייט, קלאָהר שרייבען און אויסדריקען זיין מיינונג אין אַ שפּראַך וואָס איז פערשטענדליך פאַר אַלעמען. ער לערנט שטענדיג, פאָרשט אָהן אַן אויפהער און בענוגענט זיך ניט מיט דיא ירושה וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבען אונז איבערגעלאָזען. דורך זיינע שריפטען האָט ער טיעף בעאיינפלוסט דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג.

בעבעל און קאַוטסקי, זיינען, וויא בעקאַנט, שטרענגע מאַרקסיסטען, ד. ה. זיי נעהמען אַן, אַז דיא מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע ציוויליזאַציאָן טרייבט צום סאָציאַליזמוס און אַז דיא אַרבייטער קלאַססע העלפט צו פערווירקליכען דעם סאָציאַליזמוס דורך איהר קאַמפּף פאַר איהרע אייגענע אינטערעסען, פאַר בעסערען לוין, פאַר קירצערע אַרבייטס־צייט, פאַר פאַבריקגעזעטצען, קורץ, דורך איהר קאַמפּף געגען דאָס קאַפּיטאַל. דיא אויפגאַבע פון דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען איז אויסנוטצענדיג דיא ווירטשאַפטליכע ענטוויקלונג צו העלפען דיא אַרבייטער קלאַססע מיט ראַטה און טהאַט. דער מאַרקסיזמוס ווענדעט זיך קודם כל צו סאָציאַליסטען אַלס אַרבייטער־פיהרער און ניט צו איינצעלנע סאָציאַליסטישע געלעהרטע און פילאָזאָפען.

דיא רעוויזיאָניסטען האָבען דיא סימפּאַטיע פון פיעלע סאָציאַל־רעפאָרמערישע שריפטשטעללער, דעמאָקראַטישע פּאָליטיקער און אויך פון פיעלע געווערקשאַפטס־פיהרער. זייערע בעסטע פערטרעטער זיינען בערנשטיין און אייזנער. דער לעטצטער איז אַלס שריפטשטעללער און פילאָזאָפישער דענקער בעדייטענדער אַלס בערנשטיין.ביידע זיינען עהרליכע פאָרשער און אין פיעלע פּונקטען זיינען זיי נאָך רעוואָלוציאָנערער, אָדער ריכטיגער געזאָגט, רעבעללישער, וויא דיא מאַרקסיסטען.

בערנשטיין און אייזנער זאָגען: מיר זיינען פאָללשטענדיג מודה, אַז דיא טאַקטיק פון דיא דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געוועזען ריכטיג, אָבער יעצט איז זיא ניט מעהר ריכטיג. דאָס איז ניט קיין גאַנג, אַז אַ פּאַרטיי פון 3 מילליאָנען זאָל זיך ניט וועהרען געגען דיא ווילקיר פון דיא פּאָליציי, געגען צוטרייבונג פון פערזאַמלונגען, געגען דרוק. וואָס מעהר דיא פּאַרטיי גענאָססען איבערצייגען זיך פון דעם קאָנטראַסט צווישען זייער שטאַרקע צאָהל

און זייער פּאָליטישע שוואַכקייט, אַלץ מעהר פערליערען זיי זייער בעגייסטערונג פאַר דעם סאָציאַליזמוס. שולדיג אין דיעזער שוואַכקייט, זאָגען דיא רעוויזיאָניסטען, זיינען דיא שטענדיגע, דיא אייביגע קולות וועגען דעם קלאַסען־קאַמפּף. די שטענדיגע וויעדערהאָלונג פון די מאַרקסיסטישע, אַנטי־בורזשואַזנע פראַזען, דאָס ניט־מיטאַרבייטען אין דיא פּאָליטישע בעשטרעבונגען פון דיא ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע עלעמענטען, קורץ — דיא ניט־פּראַקטישקייט און דיא אבגעזונדערטקייט פון אַלגעמיינעם לעבען.

געוויס, זאָגען זיי, ווילען מיר דעם סאָציאַליזמוס, אָבער מיר ווילען, אַז אונזערע דריי מיליאָנען שטיממען זאָלען שוין עפּעס אויפטאָן. און מיר וואָלטען געקענט שוין יעצט זיכער ווערען אַ מאַכט, ענטוועדער דורך אַ טאָלעראַנטע האַלטונג צו אַלע פריי־היייטליכע בירגערליכע עלעמענטען, אָדער דורך אַ קאַמפּף געגען דיא פּאָליציי, געגען שטאַאַט, דורך נקמה־

עדוואַרד בערנשטיין.

נעהמען פון דיא ביוראָקראַטיע פאַר יעדער גע־וואַלטטהאַט. מיר מוזען מאַכען דיא אַרבייטער פאַר רעבעללען, יעדענפאַלס טויג היינט ניט מעהר דיא טאַקטיק פון ריינעם קלאַסען־קאַמפּף און דיא שטרענגע, געזעצליכע האַנדלונג.

געטריבען פון אַזוינע געפיהלען, האָט זיך בערנשטיין גענומען צו דער רעוויזיאָן פון מאַרקסיזמוס און האָט געוואָלט זיך צוריקקעהרען צו קאַנט, וועמעס פילאָזאָפיע איז אַ ליבעראַלע און אינדיווידועלע, וועהרענד דיא העגעליאַנישע פילאָזאָפיע איז געגרינדעט אויף דיא ענטוויק־לונג דורך געגענזעצטע (קלאַסען־קאַמפּף) און אויף אָביעקטיווע רעוואָלוציאָנען.

דיא דייטשע געווערקשאַפטען.

פיעלע פיהרער פון דיא דייטשע יוניאָנס זיינען געזאָננען רעוויזיאָניסטיש. זייערע גרינדע זיינען ניט דיא זעלבע וויא בערנשטיין'ס און אייזנער'ס.

דיא געווערקשאַפטס־פיהרער זיינען אַנטי־מאַרקסיסטען, ווייל דער מאַרקסיזמוס פערלאַנגט צו־פיעל פון דיא אַרבייטער־פיהרער. דיא מאַרק־סיסטען זיינען איבעראַל פאַר יוניאָנס, ווייל זיי קוקען אויף דיא יוניאָנס, וויא אויף אינסטרו־מענטען פון קלאַסען־קאַמפּף, וויא אויף אינ־סטרומענטען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן. פאַר דיא מאַרקסיסטען זיינען דיא יוניאָנס אַ מיטעל צום רעוואָלוציאָנערען צוועק. אָבער פאַר דיא געווערקשאַפטס־פיהרער זיינען דיא יוניאָנס אַ זעלבסט־צוועק און זיי ווילען ניט שטעלען דיא יוניאָנס אין דיענסט פון דער פּאַרטיי פאַר איהרע צוועקען.

דיעזער קאָנפליקט צווישען מיטעל און צוועק איז דאָ ניט דער איינציגער. ער ציהט זיך דורך אַ גרויסען טהייל פון דער וועלטגעשיכ־טע און פון לעבען. דיעזער קאָנפליקט פיהרט אָפט צו שווערע קעמפּפע און קאַטאַסטראָפען. איינינגע ביישפּיעלע וועלען אונז דאָס קלאָהר מאַ־כען: לאָמיר נעהמען, למשל, דיא אַרמיי. אין אָנפאַנג איז זיא געוועזן אַ מיטעל צו פערטהיידי־גען דאָס לאַנד, אָבער וואָס מעהר דיא אַרמיי וואַקסט, אַלץ מעהר פערגעסט זיא, אַז זיא איז נאָר אַ מיטעל און בעטראַכט זיך וויא אַ זעלבסט צוועק, און פאַלט דורך דעם אריין אין קאָנפליקט מיט'ן לאַנד. אָדער מיר נעהמען דיא זעלבסט הערשונג. זיא איז געוועזן אַ מיטעל צו בעקעמ־פּפען דעם פעאָדאַליזמוס און די ערטליכע פּרי־ווילעגיען פון מיטעלאַלטער און צו שאַפען אַן איינהייטליכען נאַציאָנאַלען שטאַאַט. באַלד אָבער פערגעסט זיא, אַז זיא איז בלויז אַ מיטעל און אונטערדריקט דיא ענטשטעהענדע בירגער־ליכע ציוויליזאַציאָן. דיעזעלבע זאַך קומט אויף פאַר אין פּאַרטיי־לעבען, אין שול, אין פּריוואַט־לעבען. אַ פּאַרטיי־רעדאַקטאָר הייבט אָן צו שפּיע־לען דיא ראָלע פון אַ באַסס אין דער פּאַרטיי. אַ לעהרער, וועלכער לערנט מיט קינדער גראַמאַטיק, כדי זיי זאָלען קענען רעדען ריכטיג און קלאָהר, הויבט אָן באַלד צו גלויבען, אַז אַ דגש, אָדער אַן אַנדער פּינטעל איז דער הויפּט־זייל, אויף וועלכע דיא וועלט האַלט זיך. צוליעב דעם ספּעציאַל־פאַך פערגעסט ער דאָס גאַנצע.

אַזוי איז אויך מיט דיא געווערקשאַפטען. זיי זיינען געשאַפען געוואָרען אין דייטשלאַנד פון סאָציאַליסטען און זיינען געוועזן מאַרקסיס־טיש. אָבער וויא נאָר זיי זיינען געוואָרען גרויס און האָבען בעקומען פיעל בעאַמטע און פיהרער, האָבען זיי פערגעסען, אַז זיי דאַרפען דיענען דעם סאָציאַליזמוס און אַז זייער גאַנצע אויפ־גאַבע בעשטעהט ניט אין קעמפּפען פאַר אַ העכ־ערען לוין, אָדער פאַר אַ פיערטעל שטונדע קירצערע שקלאַפען־צייט. זיי גלויבען אויך,

אז זיי וועלען ערפילען זייער אויפגאבע פיעל בעסער ווען זיי וועלען ארויסטרע־טען אלס עוואלוציאנערע רעפארמער, איידער אלס רעוואלוציאנערע סאציאליסטען. זיי זאגען, אז דער קאפיטאליסט וועט מאכען הנחות, ווען דיא ארבייטער וועלען ניט זאגען, אז זיי ווילען איהם עקספראפריאירען, און אז זיי זיינען פיינד פון גאנצען קאפיטאליזמוס. דער קאפיטאליסט — זאגען זיי — פערשטעהט עס גאנץ גוט, ווען מען טענה'עט מיט איהם וועגען בעסערע פרייזען, און בעסערע בעדינגונגען, אבער וויא מען קומט צו איהם מיט דער רעוואלוציא־נערער עקספראפריאציאן, מיט דעם קלאסען־קאמפף, דאן וויל ער מעהר גאר ניט הערען, און ווען א יוניאן האט קיינע ערפאלגען, קען זי אויך ניט וואקסען.

צוליעב דיעזען גרונד זיינען פיעל געווערק־שאפטס פיהרער רעוויזיאניסטען. זיי ווילען אויך גאר ניט הערען פון גענעראל־סטרייק, ווייל אזא שריט קען שעדיגען דיא יוניאן און אבשווא־כען דיא קאסע און פאר דיא געווערקשאפטס־פיהרער איז א גרויסע יוניאן און א רייכע קאסע דיא הויפטזאך. אויף אזא אופן קומט ארויס א קאמפף צווישען יוניאן און פארטיי — צווישען מיטעל און צוועק. דיא געווערשאפטספיהרער פערגעסען צוליעב זייער ספעציעלער־פאך דאס גאנצע פון דער ארבייטער־בעוועגונג.

דיא אנטווארט פון דיא מארקסיסטען.

אויף אלע דיעזע שוועריגקייטען און קשיות ענטפערען דיא דייטשע מארקסיסטען:

מיר זיינען א סאציאליסטישע ארבייטער־פארטיי. אונזער אויפגאבע איז קלאהר, זיא בע־שטעהט דארין, אבצושאפען דאס לוינסיסטעם, און צו מאכען דיא ארבייטער פאר דיא הערען פון דיא פראדוקציאנס מיטעל. מיר זיינען אויך פראקטיש און ארבייטען ניט נאר פאר דיא צו־קונפט, זאנדערן אויך פאר דיא געגענווארט. זאל מען אונז ווייזען איין גרויסע רעפארם אין דייטשלאנד, אין וועלכע מיר האבען ניט מיטגע־ארבייט! אבער הינטער דיא טענה, אז מיר זיי־נען ניט פראקטיש, ליעגט א טיעפערער זין. מען וויל, אז מיר זאלען מאכען פשרות מיט דער רע־גיערונג, אז מיר זאלען זיך אבזאגען פון אונזער רעוואלוציאנערען שטאנדפונקט, כדי צו בעקומען פון דער רעגיערונג גרעסערע פרייהייטען. דאר־רויף ענטפערען מיר: אונזער איינציגער מיטעל צו בעקומען הנחות איז דער קלאסען־קאמפף. דיא הנחות מוזען מיר בעקומען דורך קאמפף און ניט דורך אבמאכונגען. — „אבער“, — זאגט איהר, — „איהר זייט מאכטלאז.“ געווים זיינען מיר מאכטלאז, ווייל מיר האבען נאך ניט אין לאנד דיא מעהרהייט פון שטימען.

ניט אכטענדיג אויף אונזערע דריי מיליא־נען שטימען, זיינען מיר נאך א מינאריטעט, ווייל אנטקעגען אונז שטעהען וועניגסטענס 6 מיליאנען קאפיטאליסטישע שטימען, און אלס מינאריטעט קענען מיר אונזער אפאזיציאן ניט אויפגעבען, ערשט דאן, ווען מיר וועלען האבען הינטער אונז דיא מאכט אין לאנד, וועלען מיר האבען אויך דיא רעגיערונגס־מאכט.

„אבער“, זאגט איהר, „דיא פראנצויזישע און ענגלישע גענאסען האבען נאך פיעל וועניגער שטימען און פון דעסטוועגען זיינען זיי פיעל איינפלוסרייכער.“

געווים זיינען דיא פראנצויזישע און ענג־לישע גענאסען איינפלוסרייכער, אבער פאר וואס זיינען זיי איינפלוסרייכער? ווייל פראנק־רייך און ענגלאנד זיינען דעמאקראטישע לענדער און רעספעקטירען דערפאר אויך דעם ווילען פון דיא מינאריטעט, וועהרענד דייטשלאנד איז נאך א האלבע אויטאקראטיע, ווייל אונזער בורזשואזיע האט ניט געקאנט און ניט געוואלט קעמפפען; זיא איז צופריעדען מיט איהר רייכ־טהום און מיט איהרע פראפיטען און איז מוחל דיא פאליטישע מאכט.

דיא דייטשע ארבייטער־קלאסע געפינט זיך אלזא אין זעהר א שווערע לאגע: זיא מוז גע־בען דעם לאנד ערשטענס, דאס בעסטע פון דעם, וואס אין אייראפא און אין אמעריקא האט גע־שאפען דיא בורזשואזיע. און זיא האט נאך דאצו א ספעציעלע פראלעטארישע אויפ־גאבע: די פערווירקליכונג פון סאציאליזמוס. דערפאר מוזען מיר ארגאניזירען דיא דייטשע ארבייטער פיעל פעסטער, פיעל שטארקער וויא אין וועסט אייראפא, און פיעל טיעפער איינ־פלאנצען אונזערע ציעלען. דיא פאליציי אונטער־דריקט אונז, דיא רעגיערונג פערפאלגט אונז, אבער מיר דארפען זיך ניט לאזען אריינציהען אין אונבעזאנענען קאמפף, איידער מיר האבען אלע גאראנטיען פאר א זיעג. דיא פרייסישע רע־גיערונג איז אויף פיעל שטארקער וויא אירגענד אן אנדער אייראפעאישע רעגיערונג. אונזער גע־דולד, אונזער געזעצליכע האלטונג זיינען ניט קיין צייכען פון שוואכקייט, זאנדערן זיי שטא־מען פון דעם בעוואוסטזיין פון שטארקייט. נאר, זאגט איהר, אז ווען מיר וואלטען זיך האלטען פריינדליכער צו דיא ליבעראלען, וואלטען מיר זיי האבען אויף אונזער זייט און אויפגעבויעט א דעמאקראטיע, וועלכע וואלט אונז מאכען לייכ־טער צו דערגרייכען דעם סאציאליזמוס. דארויף ענטפערען מיר: ערשטענס זיינען אויך דא אין

דייטשלאַנד זעהר וועניג ליבעראַלען, און אויב דיא וועניגע ליבעראַלען, וועלכע ווילען געהען צוזאַמען מיט אונז, זיינען אימפעריאַליסטיש געזאָנען און אין אימפעריאַליזמוס קענען מיר ניט זיין קיין שותפים. און שליעסליך זיינען מיר שטענדיג בערייט צו העלפען די ליבעראַלען אין אַ קאַמפף פאַר פּאָליטישע פרייהייט. דאַצו איז אָבער ניט נויטיג קיין בונד מיט די ליבעראַלען. זיי קענען שטענדיג רעכענען אויף אונז, זאָלאַנג זיי וועלען קעמפפען פאַר פּאָליטישע פרייהייט, אָבער אין דיעזע קעמפפע מוזען דיא ליבעראַלען געהען פאָראויס.

קורץ אונזער טאַקטיק איז: צו קריעגען דיא ווירקליכע מאַכט אין לאַנד און איבערנעהמען דאַן דיא פעראַנטוואָרטליכקייט פון דער רעגיערונג. פעראַנטוואָרטליכקייט און מאַכט מוזען געהען צוזאַמען, אָבער זאָלאַנג מיר זיינען דיא מינאָריטעט האָבען מיר מיט דער רעגיערונג ניט צו טהון.

און צו דיא געווערקשאַפטספיהרער זאָגען מיר: אַלס מאַרקסיסטישע סאָציאַל דעמאָקראַטען זיינען מיר, זעלבסט פערשטענדליך, פאַר די יוניאָנס. מיר פערשטעהען אויך, פאַרוואָס פיעל געווערקשאַפטס־פיהרער געפינען דעם רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזמוס פאַר אונבעקוועם, מיר פערשטעהען אויך, אַז זיי ווילען מאַכען דיא יוניאָנס פאַר זייער הויפּטצוועק. ווען מען מאַכט ניט אַ זאַך פאַר אַ הויפּטצוועק, קען מען איהר ניט טאָן מיט דיא נויטיגע גרינדליכקייט. מיר דאַרפען דערפאַר זיין געדולדיג מיט דיא געווערקשאַפטס־פיהרער, און לעבען מיט זיי פריינדליך, ניט אַכטענדיג אויף אַלע מיינונגס־פערשיעדענהייטען.

מיר, סאָציאַל־דעמאָקראַטען מוזען אָבער אינטענסיווער ארבייטען פאַר אונזערע לעהרען, פערברייטען אונזערע טהעאָריען, שאַרפען דעם טעאָרעטישען זינן פון דיא ארבייטער, ווייל די סאָציאַליסטישע טעאָריע נעהמט ארום אַלע ערשיינונגען פון דער ארבייטער־בעוועגונג.

דער פעהלער פון דיא געווערקשאַפטס־פיהרער איז, וואָס זיי ווערען ספּעציאַליסטען, וואָס זיי פערגעסען צוליעב איין טהייל דאָס גאַנצע פון דער ארבייטער־בעוועגונג. מיט זיי איז פּונקט ווי מיט דעם בעל־דקדוק וועלכער פערגעסט צוליעב דעם דגש אָדער אַן אנדער פינטעל דעם צוועק פון דער שפּראַך. געגען דעם איז דאָ נאָר איין מיטעל: פערברייטען טעאָריע און וועקען דעם טעאָרעטישען זינן פון די ארבייטער. געגען דעם קורצזיכטיגען בליק פון דעם ספּעציאַליסטען, מוזען מיר פערשפּרייטען די פילאָזאָפיע פון סאָציאַליזמוס, ווייל די אמת'ע נאַטור פון פילאָזאָפיע בעשטעהט דאַרין, וואָס זיא נעהמט צוזאַמען אַלע ספּעציאַליטעטען און פיהרט ארויף דעם מענשליכען־גייסט אויף דעם אייניגענדען גרונד־געדאַנקען פון אַלע טהיילע.

דערפאַר ווילען מיר גרינדען אַ סאָציאַליסטישען אוניווערזיטעט, וואו דיא פעהיגסטע ארבייטער זאָלען קענען ברייטער מאַכען זייער בליק, און אָנפילען זיך מיט אַלע געזיכטס־פּונקטען פון סאָציאַליזמוס. דיעזע וועלען דאַן פערברייטען ווייטער דאָס, וואָס זיי האָבען געלערנט.

און דיא פערטרעטער פון דיא געווערקשאַפטען וועלען מיר געבען אַ פּלאַטץ און א דעה אין דער פיהרונג פון דער פּאַרטיי, כדי דיא פּאָליטישע און געווערקשאַפטליכע בעוועגונג. פון דער ארבייטער־קלאַס זאָלען געהן האנד אין האנד. און פאַרפעסטיגט און פעראייניגט וועט דיא סאָציאַליסטישע ארבייטער־בעוועגונג שטרעבען דאָס פּראָלעטאַריאַט ווייטער צו אָרגאַניזירען און צו ערציהען, ביז מיר וועלען זיין שטאַרק גענוג דעם לעצטען קאַמפף, דעם ענטשיידונגס־קאַמפף אויפצוהויבען מיט א זיכערן ערפאָלג.

לאָנדאָן. אָנפאַנג סעפּטעמבער 1906.

אייזענבאַהנען און פּאָליטיק.

פון נחום צדק.

עס פערשטעהט זיך, אַז האָבענדיג פערכאַפט דיא אייזענבאַהנען פון לאַנד, האָבען אונזערע פינאַנץ קעניגע, וועלכע קאָנטראָלירען שוין אויך דיא גרעסטע טראָסטס, גענומען ציהען נוצען פון זייער נייע עראָבערונג. דיא קאָנקורענץ צווישען אייזענבאַהנען האָט אויפגעהערט, און דיא פראַכטען האָבען געקענט געהעכערט ווערען אָהנע צו דאַרפען מורא האָבען, אַז דיא געשעפטלייט אָדער לאַנד בעזיצער וועלען געבען זייער סחורה צום פיהרען צו אַ קאָנקורירענדע ליניע. אין דערזעלבער צייט האָבען דיא אייזענבאַהנען נאַטירליך אָנגעהויבען נעהמען קלענערע פראַכטען פאַר פיהרען פראָדוקטען פון דיא טראָסטס, וועלכע האָבען אַ דירעקטע אָדער אינדירעקטע קאָנטראָלע איבער דיעזע ליניעס, — פיעל קלענערע וויא זיי נעהמען פון אונאַבהענגיגע פראָדוצירער. דיא בעאַמטע זיינען אין דיא מעהרסטע פעלע מאַכטלאָז דורכצופיהרען דעם געזעץ ווען זיי זאָלען דאָס אפילו וועלען טהון.

דיא פערברעכען פון דיא אייזענבאַהן מאָנאָפאָליסטען דערגרייכען אָבער אַזאַ שטופע, וואו זיי רופען ניט נאָר אַרויס דעם גערעכטען צאָרן פון פאָלק, זאָנדערען זיי שאַפען אויך אָפ איינע פון דיא בעסטע און עלטעסטע אינסטיטוציאָנען פון לאַנד. אויף זייער מאַכט צו קאָנטראָלירען דעם עקספאָרט האַנדעל פון לאַנד איז שוין פריהער אָנגעוויעזען געוואָרען. זייער פעהיגקייט צו שטערען דעם אימפאָרט האַנדעל איז שוין ניט מעהר אַ טהעאָרעטישע פראַגע. דאָס האָבען אַרויסגעוויזען שלאַגענד דיא אייזענבאַהנען אַליין דורך זייער איבערקעהרען אַזאַ „הייליגע“ אינסטיטוציאָן וויא דעם טאַריף.

אין אַ רעדע איבער דער דעבאַטע וואָס איז ניט לאַנג פאָרגעקומען אין קאָנגרעס וועגען דעם אייזענבאַהן געזעץ האָט אַ קאָנגרעסמען פון אָהייאָ אויסגערעכענט אַ גרויסע צאָהל פראָדוקטען, פאַר וועלכע דיא אייזענבאַהנען נעהמען קלענערע פראַכטען זיי צו פיהרען פון אייראָפאַ קיין אָהייאָ (אַריינרעכענענדיג שוין דיא שיףפראַכט) וויא זיי נעהמען פאַר פיהרען דיעזעלבע פראָדוקטען פון ניו יאָרק קיין אָהייאָ. דער אונטערשיעד צווישען דיזע צוויי פראַכטען איז אין יעדען פאַל גרעסער וויא דער אימפאָרט טאַריף, וואָס איז אין דעם דינגלי טאַריף געזעץ. דורך דיעזען איינפאַכען קונץ האָט דיא קליינע קליקע קאַפיטאַליסטען, וועלכע קאָנטראָלירען דיא אייזענבאַהנען, זיך טהאַטזעכליך אונטערגענומען אָפצושאַפען דעם טאַריף וואָס איז אָנגענומען געוואָרען פון דעם קאָנגרעס פון דיא פעראייניגטע שטאַאַטען.

איין ביישפיעל וועט גענוג זיין דאָס צו בעווייזען: דער פרייז פון פיהרען קרוטשיקעס, קנעפליך און זאָקען, און זאָ ווייטער, פון ליווערפול קיין סאַן פראַנציסקאָ, דורך ניו אָרליענס, איז איין דאָלאַר מיט זיעבען סענט פאַר 100 פונט. פאַר פיהרען דיעזעלבע פראָדוקטען פון ניו אָרליענס קיין סאַן פראַנציסקאָ נעהמען זיי צוויי דאָלאַר מיט 88 סענט פאַר אַ הונדערט פונט, דאָס הייסט צוויי און אַ האַלב מאָל אַזוי פיעל פאַר אַ פיעל קורצערע שטרעקע.

פרעזידענט רוזוועלט'ן קומט קרעדיט פאַר דעם אויסאיבען זיין אָפיציעלען און פערזענליכען איינפלוס צום גונסטען פון דער בעוועגונג, אַז דיא רעגיערונג זאָל קאָנטראָלירען דיא אייזענבאַהן פראַכטען, און פאַר דיא קלוגשאַפט וואָס ער האָט דערביי אַרויסגעוויעזען אַלס אַ שטאַאַטסמאַן, וועלכער איז געגען דעם, אַז דיא אייזענבאַהנען זאָלען ווערען דאָס אייגענטהום פון דער רעגיערונג. ווען ניט ער וואָלט דער געזעץ, וואָס איז ביים שלוס פון קאָנגרעס ענדליך אָנגענומען געוואָרען, אַ לאַנגע צייט דיא ליכטיגע וועלט ניט געזעהען.

רוזוועלט האָט זעהר ריכטיג בעמערקט (און דאָ האָט ער אַרויסגעוויעזען זיין פאָליטישע פאָרזיכט), אַז אויב דיא אייזענבאַהנען וועלען ניט דערלאָזען, אַז דיא רעגיערונג זאָל האָבען אַ גענייגענדע קאָנטראָלע איבער פראַכטען, וועט דאָס פאָלק פריהער אָדער שפעטער אין גאַנצען איבערנעהמען דיא אייזענבאַהנען. דאָס איז אָהנע צווייפעל אמת, און אין דעם ליעגט דיא וויכטיגקייט פון דער יעצטיגער בעוועגונג פון סאָציאַליסטישען שטאַנדפונקט. אַבוואָהל רעגיערונגס אייגענטהום פון דיא אייזענבאַהנען אונטער דער יעצטיגער סיסטעם, אָהנע, אַז דער אַרבייטער קלאַס זאָל זיין שטאַרק פערטראָטען אין קאָנגרעס, קען נאָך ניט הייסען אַ סאָציאַליסטישע אינסטיטוציאָן, דאָך דאַרף מען ניט פערגעסען, אַז דיא ענטוויקלונג וואָס דאָס פאָלק

געהט דורך אונטער דעם איינפלוס פון דיא ענדערונגען וואָס קומען פאָר אין דער אינדוס־טריע און אין דיא טראנספּאָרטאציאָנס מיטלען, האָט א גרעסערען אויפקלעהרונגס ווערטה פאר פאַרברייטען דאָס לאנד צו דעם סאָציאַליזמוס ווי טויזענדע רעדעס און פיעליאָהרען פון סאָציאַ־ליסטישער פּראָפּאגאנדא. דאָס פאָלק לערנט דערפון ביסלעכוויז, אז דער אונטערשיעד צווי־שען אונבעשרענקטעם פּריוואט אייגענטהום און פאָלקס אייגענטהום בעשטעהט אין דעם, צו איי־ניגע קאפּיטאליסטען זאָלען בעזיצען די עשירות פון דער נאציאָן, אָדער דיא נאציאָן אליין זאָל בעזיצען איהרע אינדוסטריען.

אין קורצען הייסט עס, אז דער ציעל פון דיא געזעצע, פאר וועלכע דער פּרעזידענט האָט אגיטירט איז צו פערזאָרגען דיא צווישען שטאַא־טען האנדעלס קאָמיסיאָן מיט אזוי פיעל מאכט, אז ווען א געשעפטסמאן וועט זיך בעקלאָגען, אז דיא אייזענבאהנען נעהמען ביי איהם צו הויכע פּראכטען, העכערע וויא ביי איין אנדערען, און זיא (דיא קאָמיסיאָן) וועט געפינען, אז זיין קלאגע איז בערעכטיגט, זאָל זיא אליין בע־שטימען א קלענערע פּראכט, וועלכע זאָל אריינ־טרעטען אין קראַפט אין דרייסיג טעג. דיא איי־זענבאהנען האָבען א רעכט צו אפּעלירען אין דיא געריכטען געגען דער ענטשיידונג פון דער קאָמיסיאָן, אָבער איידער דיא געריכטען פּסק'־ענען וועגען דעם, בלייבט דיא ענטשיידונג פון דער קאָמיסיאָן אין קראַפט. אונטער דיעזען גע־זעץ וועלען דיא אייזענבאהנען האָבען דיא מיה צו ברענגען בעווייזע און זיך צו קלאגען, וועה־רענד אונטער דיא פריהעריגע געזעצע האָט דיא קאָמיסיאָן דאָס בעדאַרפט טהון. אויסער דעם, אין דער צייט וואָס דיא אייזענבאהנען וועלען זיך אזוי לאָדען אין דיא געריכטען — וואָס דאָס דאַרף נעהמען יאָהרען — וועט דאָס פאָלק דער־ווייל ניט דאַרפען צאָהלען קיין הויכע פּראכטען; נאטירליך אויב דיא קאָמיסיאָן וועט בעשטעהען פון עהרליכע מענשען, טריי צו זייערע פפליכטען.

דער אייזענבאהן געזעץ וויא ער איז אמענ־דירט געוואָרען אין סענאט און ענדליך אנגענו־מען איז אונטערשריעבען געוואָרען, איז ניט דאָס וואָס רוזוועלט האָט געוואָלט. דער סענאט האָט איהם געמאכט פיעל מילדער וויא ער איז אנגענומען געוואָרען אין רעפּרעזענטאנטען הויז — מילדער צו דיא אייזענבאהנען. דער סענאט האָט דורך זיין אמענדמענט געגעבען דיא גע־ריכטען דיא מעגליכקייט אוועקצונעהמען פיעל פון דער קאָמיסיאָנ'ס מאכט. דיא געריכטען, וועלכע זיינען אימער פריינדליך צו דיא אייזענ־באהנען, האָבען אין דיא לעצטע צוואנציג יאָהר, אונטער דעם אלטען געזעץ שוין אזוי געטהאָן, און אזוי וויא זיי וועלען אונטער דעם נייעם גע־זעץ מסתמא אויך זיך אריינמישען אין דער קאָמיסיאָנס ענטשיידונגען, איז זיכער, אז פּרע־זידענט רוזוועלט'ס נבואה וועגען א בעוועגונג פאר דיא נאציאָנאליזירונג פון די אייזענבאהנען וועט מקוים ווערען.

מארטין א. קנאָפּ, פאָרזיצענדער פון דער צווישען־שטאאטען האנדעלס קאָמיסיאָן, וועל־כער איז א בעוואוסטער קאָנסערוואטיווער אוי־טאָריטעט איבער דיעזע אנגעלעגענהייטען, ענ־דיגט זיין אויבענדערמאָהנטע רעדע מיט פאָל־גענדער ווארנונג:

„אויב דיעזע אייזענבאהן פערברעכען ווע־לען פאָרטגעזעצט ווערען און עס וועט זיך ארויס־ווייזען, אז דיעזע כראָנישע עולות זיינען אונהייל־באר דורך דיא מעטהאָדען וואָס מיר ווענדען אָן, דאן וועט קיין ברירה ניט זיין וויא אריינצו־בעקומען און בעטרייבען דיא אייזענבאהן דורך דיא רעגיערונג. אויב רעגולאציאָן העלפט ניט, דאן וועט פאָלקס אייגענטהום זיין דיא איינ־ציגע רפואה“.

דער פאקט איז, אז דאָס ברומען פון דעם קומענדען שטורם קען שוין געהערט ווערען פון דיא, וועלכע האָבען אויערען צו הערען. דיא איי־זענבאהן געזעצגעבונג אין עטליכע סטייטס ווערט וואָס א מאָל שטרענגער און האָט שוין געהאָלפען צו פערמיידען פיעלע עולות פון דיא אייזענבאהן קעניגע אויף אזוי ווייט וויא זיי האָ־בען נאָר געקענט געבראכט ווערען אונטער דעם רשות פון דיעזע סטייטס. אין 1890 זיינען אין גאנצען לאנד געווען בלויז זיעבען סטייטס, וועל־כע האָבען אנגענומען געזעצע, בעשאפענדיג סטייט אייזענבאהנען קאָמיסיאָנען מיט דער מאכט צו בעשטימען דיא פּראכטען אין סטייט. אין יאָהר 1902 האָט זיך דיא צאָהל סטייטס וואָס גיבען אזא מאכט צו קאָמיסיאָנען פערגרע־סערט ביז דרייצעהן. דאָס, נאטירליך, שליעסט ניט איין דיא סטייטס, וועלכע האָבען אויך א געוויסע אייזענבאהן אויפזיכט, הגם זיי גיבען ניט זייערע קאָמיסיאָנען אזוי פיעל מאכט.

דיא אייזענבאהן געזעצע וואָס זיינען ניט לאנג אנגענומען געוואָרען אין דיא סטייטס וויס־קאָנזין און אין אינדיאנא, זיינען נאָך מעהר ראַ־דיקאל, און דער טריומף פון דיא שטאָדט איי־גענטהום בעוועגונגען אין אזעלכע גרויסע שטעדט וויא שיקאגאָ, ניו יאָרק, פילאדעלפיא, סאן פראנציסקאָ, טאָלידא, קליוולאנד און פיעלע אנ־דערע, איז א סימפּטאָם פון דער ענדערונג וואָס איז געוואָרען אין די מוחות פון פאָלק, און בעווייזט אז דער וואָרט סאָציאליזמוס קען מעהר ניט בע־

נוצט ווערען פון דיא פּאָליטישענס אלס סטראָשידלע, אָפּצושרעקען דיא וועהלער אום ער זאָל שטיצען דיא אלטע פּאַרטייען.

דיא ענדערונג אין דיא עקאָנאָמישע צושטענדע פון דיא פערשיעדענע טהיילען פון לאַנד ברענגט ביסלעכווייז צו אַ געאָגראַפישע און פּאָליטישע פערענדערונג פון דיא עלעמענטען, פון וועלכע דיא אלטע פּאַרטייען האָבען ביז יעצט געצויגען זייער קראַפט. ביז יעצט האָט דיא רעפּובליקאַנער פּאַרטיי געפונען איהר הויפּט שטיצע אין דיא נאָרטה און דיא דעמאָקראַטישע אין דיא סאַוטה. דיא רעפּובליקאַנער האָבען ניט געהאַט קיינע אַנהענגער אין דיא סאַוטה, אויסער דיא ניגערס און איינינגע ווייסע בעאַמטע, וועלכע זיינען אָנגעשטעלט פון דער וואַשינגטאָנער רעגיערונג. אין דיא נאָרטה זיינען דיא דעמאָקראַטען געוועזען אין דיא מינאָריטעט. זייער שטיצע איז הויפּטזעכליך געקומען פון דיא איירישע און דייטשע וועהלער און פון אַ מעהר אָדער וועניגער ראַדיקאַלער מינאָריטעט פון דעם ארבייטער קלאַס. אויסער דעם האָבען זיי געהאַט אַנהענגער צווישען דיא עקספּאָרטערס און אויך דיא אַלטע פערבליעבענע אידעאַליסטען, וועלכע האָבען געקעמפּפט פאַר פריי־האַנדעל, שטאַאטס רעכטע א. ז. וו. דיא הויפּט פראַגע וואָס האָט דיעזע פּארטייען אָבגעטהיילט — פּראָטעקשאָן אָדער פריי־האַנדעל — האָט דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי געגעבען דיא שטיצע פון דיא פאַבריקאַנטען און לאַנד בעזיצער פון דער נאָרטה און דער דעמאָקראַטישער דיא בוימוואָל עקספּאָרטירענדע שטאַאטען פון דער סאַוטה.

דאָס פאַלען פון דיא פּרייזען, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט דעם קריזיס פון 1893-96 און האָט אויפגערודערט דיא פאַרמערס מעהר וויא וועלכען עס איז אַנדער קלאַס איינוואוינער, האָט ארויסגעבראַכט אַ נייע פראַגע אויף דער פּאָליטישער אַרענא, — דיא פראַגע פון פרייע זילבער. דאָס איז געוועזן דיא ערשטע אויפהייבונג, וועלכע האָט פעראורזאַכט אַן ערנסטען דרוק אויף דעם געבוי פון דיא אלטע פּאַרטייען. דיא געביידעס האָבען זיך אָנגעהויבען וואַקלען. דיא זילבער פראַגע האָט גאָר צוטהיילט דיא איסט און דיא וועסט אין צוויי קריעגערישע לאַגערען, אַנשטאַט דיא היסטאָרישע צוטהיילונג פון דיא נאָרטה און סאוטה. אָבוואָהל דיא סאוטה האָט וויא פריהער געשטימט פאַר דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, איז דאָס אָבער געטהון געוואָרען אויס ריינע טראַדיציאָנעלע גרינדע און אויף דעם פערלאַנג פון דיא דאָרטיגע פלאַנטאַטאָרס און געשעפטסלייטע. דיא לאַנד בעזיצער פון דער וועסט, ווידער, וועלכע זיינען פון אימער געוועזן געוואוינט צו שטימען פאַר דיא רעפּובליקאַנער, האָבען זיך פלוצלונג געפונען פערלאָזען פון זייער אַלטער פּאַרטיי. פאַר זייערע אינטערעסען האָבען גאָר געקעמפּפט דיא דעמאָקראַטען. אויך אין דיא וועסט האָט מען אויסער טראַדיציאָנעלע געפיהלע פיעל געשטימט פאַר דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. אַ גרויסע צאָהל פון דיא דאָרטיגע שטימען זיינען אָבער אויך אוועק אין דעם דעמאָקראַטישען לאַגער.

דאָס וואָס די דעמאָקראַטישע פּארטיי איז אין יאָהר 1896 פערכאַפּט געוואָרען פון דער ראַדיקאַלער פראַקציאָן, מיט ברייען'ען אן דער שפּיצע, וועלכער האָט געפאָדערט פיעלע ארבייטער פערבעסערונגען, האָט צו דער דעמאָקראַטישער פאָהן געבראַכט אַ גרויסע צאָהל ארבייטער, וועלכע פלעגען פריהער שטימען פאַר דיא רעפּובליקאַנער פּארטיי דערפאר „וואָס זיא האָט אין זינען דיא בעשיצונג פון דיא ארבייטער אין אַמעריקאַ.“ יודזשין וו. דעבס, דער סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט אין דיא לעצטע צוויי פּרעזידענט וואַהלען, איז אין יאָהר 1896 אַרומגעפאָהרען איבער'ן לאַנד אַגיטירען פאַר ברייענען.

האָבענדיג פערלוירען דיא שטיצע פון איהרע אלטע רייכע אַנהענגער, איז דיא דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין יאָהר 1896, אונטער דער אנפיהרערשאַפט פון ברייען און דיא דעמאָקראַטען פון דער וועסט, געצוואונגען געווען צו זוכען מעהר און מעהר שטיצע צווישען דיא ארבייטער און דיא אונצופריעדענע עלעמענטען פון דעם מיטעל קלאַס. דיא רעפּובליקאַנער, ווידער האָבען אין דערזעלבער צייט אויסגעגעבען איינינגע פון זייערע ראַדיקאַלע מיינונגען, וואָס זיינען זיי נאָך פערבליעבען בירושה פון לינקאָלן'ס צייטען, און האָבען זיך פערבונדען מיט דער פלוטאָקראַטיע און דיא פאַבריקען אינטערעסען, וועלכע זיינען אויסגעבויט געוואָרען אונטער דעם טאַריף.

אָבער דיא פאַקטען וואָס ווערען דאָ אָנגעגעבען האָבען בלויז געהאָלפען ענדערען דעם כאַראַקטער פון יעדער פּארטיי. זיי האָבען אָבער ניט געהאַט צייט גענוג אויף צו פערפאָלקאָמען דיא רעוואָלוציאָן. דער רעזולטאַט איז אַז יעדע פּאַרטיי האָט אי ראַדיקאַלע אי קאָנסערוואַטיווע עלעמענטען.

דיא „קאָנסערוואַטיווע“ פּאַרטיי האָט איהר ריזוועלט און זיינע רעפּובליקאַנער נאָכפאָלגער, — דער ערשטער רעפּובליקאַנער פּרעזידענט, זייט לינקאָלן'ען, וועלכער האָט געוואַגט צו אַגיטירען פאַר געזעצע, ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס דיא פלוטאָקראַטען פון דיא איסט האָבען ביטער

געקעמפּפט געגען זיי. רוזוועלט האָט געפונען
זיינע הייסע אַנהענגער פאַר דיא אנטי־אייזענ־
באַהן געזעצע אין קאָנגרעס צווישען דיא דעמאָ־
קראַטען פון ברייען׳ס שוהלע, און געקעמפּפט
געגען איהם האָבען דיא קאָנסערוואַטיווע רע־
פּובליקאַנער, און דעמאָקראַטען אין סענאַט
וועלכע זיינען בעקאַנט אלס אייזענבאַהן סענאַ־
טאָרען (וויא פאַרייקער, עלקינס, דעפּיו א. ז. וו.)
עקספּרעס קאָמפּאַניע סענאַטאָרען (פּלאַטט און
אַנדערע)) צוקער סענאַטאָרען (גאָרמאַן *) און
טראָסט סענאַטאָרען (אלדרידזש א. ז. וו.

דיא „ראַדיקאַלע“ דעמאָקראַטישע פּאַרטיי
האָט איהר קליוולאַנד און פּאַרקער, הינטער
וועלכע עס שטעהען וואָלל־סטריט אינטערעסען,
און איז פּערטראָטען אין קאָנגרעס פון קאָנסער־
וואַטיווע דעמאָקראַטען, זייט ביי זייט מיט דיא
ראַדיקאַלע מיטעל־קלאַסע עלעמענטען פון דיא
וועסט, אַן דער שפּיטצע פון וועלכער עס שטעהט
ברייען און דיא נאָך מעהר ראַדיקאַלע הוירסט
(פון ניו יאָרק) און דזשאָנס (מעיאָר פון קליווי־
לאַנד, אָהייאָ), וועלכע זיינען געשטיצט פון אר־
בייטער קלאַס און פון דער מיטעל־קלאַסע, דאָס
וואָס ברייען האָט אין יאָהר 1896 פערכאַפּט דיא
דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט פון דער פּיפּעלס
פּאַרטיי געראויבט איהר עקזיסטענץ בערעכטיגונג.
דיזע פּאַרטיי איז דורך דעם אונטערגעגאַנגען און
איינגעשלונגען געוואָרען פון דער דעמאָקראַטי־
שער.

דאָך, דיא פּלעצליכע איבערגעוויכט פון
דעם עלעמענט פון דיא וועסט אין דער רעפּובלי־
קאַנער פּאַרטיי, — אַ איבערגעוויכט וואָס איז
געקומען דורך דעם וואָס רוזוועלט נעהמט זיך
אָן פאַר דיא אינטערעסען פון דער וועסט, בע־
שאַפּט אין דיעזער פּאַרטיי אַ בעוועגונג, וועלכע
וועט אין גאַנצען ענדערען דיא פּאָליטישע לאַגע
אין דיא פעראייניגטע שטאַאַטען. ווען מאַרק
האַננא, דער פערטרויעטער פערטרעטער פון דיא
קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסען וואָלט ניט גע־
שטאָרבען ערב לעצטע פּרעזידענט וואַהלען,
וואָלט ער אָהן צווייפעל געוואָרען פּרעזידענט.
דיא רעאָרגאַניזאַציאָן פון דיא אלטע פּאַרטייען,
וואָס איז אין 1896 אָנגעפאַנגען געוואָרען פון
ברייען׳ען, וואָלט אין אַזאַ פאַל אָנגעגאַנגען ווייי־
טער, אריינטרייבענדיג אלע מיטעל־קלאַס און
ראַדיקאַלע עלעמענטען אין דיא ארעמס פון דער
דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און אריינווארפענדיג
דיא קאַפּיטאַליסטישע מעכטע, איינשליעסענדיג
דיא קאַפּיטאַליסטען פון דער סאוטה, אין דיא
רעפּובליקאַנער שוים.

רוזוועלט׳ס נייע פּאָליטיק האָט אָבגעהאַל־
טען דיעזע טהיילונג, אָדער בעסער געזאָגט, גע־
ביטען איהר גאַנג און פערגרעסערט דעם מיש־
מאַש אין דיא רייהען פוןביידע פּאַרטייען. דאָס
זעהט זיך אין יעדען נייעם געזעץ וואָס ווערט
פאָרגעבראַכט פאַר׳ן לאַנד. וויא עס איז שוין
אָנגעוויעזען געוואָרען, ווערט רוזוועלט׳ס אייזענ־
באַהן פּאָליטיק אונטערשטיצט פון ראַדיקאַלע
דעמאָקראַטען און רעפּובליקאַנער און בעקעמפּפט
פון קאָנסערוואַטיווע דעמאָקראַטען און רעפּובלי־
קאַנער. דאָסזעלבע איז אמת וועגען דער בעווע־
גונג פאַר טאַריף רעוויזיאָן. דער טאַריף, אַנשטאַט
צו זיין אַ מיטעל צו בעשיצען אַמעריקאַנער אינ־
דוסטריען, איז געוואָרען אַ מיטעל פאַר דיא
טראָסטס צו בערויבען דיא פאַבריקאַנטען און
לאַנד בעזיטצער. דער שטאָהל טראָסט, וועלכער
איז בעשיצט דורך אַן אונגעוועהנליך הויכען
טאַריף, האָט דיא מעגליכקייט ארויסצוצווינגען
שטייער פון יעדען פאַבריקאַנט וואָס געברויכט
זיינע פּראָדוקטען. דאָס ריהרט אָן דיא פאַברי־
קאַנטען פון אלע סאָרטען מאַשינעריי, דיא בוי
אינדוסטריע און דעם לאַנד בעזיצער, וועלכער
קויפט אגריקולטור מאַשינען. דער פלייש און
דער לעדער טראָסטס צוזאַמען מיט דעם קאָהלען
טראָסט, האָבען געצוואונגען ניט בלויז דיא שיך
פאַבריקאַנטען פון מאַסאַטשוסעטס, זאָנדערן
דעם גאַנצען סטייט אליין אויך — דיא אלטע
היים פון פּראָטעקציאָן — אויפצוהייבען דעם
קאַמפּף פאַר טאַריף רעוויזיאָן.

און אזוי געהט עס צו איבעראַל. אין דיעזער
בעוועגונג געפינען מיר דעם פּרעזידענט פערבונ־
דען מיט דער מיטעל־קלאַסע. רעפּובליקאַנער פון
דיא וועסט און פון אַנדערע געגענדען קעמפּפען
געגען דיא קאָרפּאָראַציאָנען און טראָסטס, וועל־
כע האָבען ביז יעצט געגעבען כמעט דיא גאַנצע
געלד וואָס איז נויטהיג געווען צו פיהרען דיא
וואַהל קעמפּפע פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי.

וואָס פאַר אַ ווירקונג וועט דאָס האָבען
אויף דיא קומענדע גרופּירונג פון דיא פּאַרטייען?
אונטער אזעלכע אומשטענדען איז אונזיכער דאָס
פאָראויסצוזאָגען. זאָל דער ראַדיקאַלער פליגעל
אין דעם קומענדען פּרעזידענט וואַהל־קאַמפּף
פערכאַפּען דיא רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. פּונקט
וויא ברייען האָט דאָס געטהון מיט דער דע־
מאָקראַטישער פּאַרטיי אין יאָהר 1896, דאַן
וועט דיא פּלוטאָקראַטי העכסט וואַהרשיינליך
קאָנצענטרירען אַלע איהרע קרעפטע און מיטלען
צוריק צו געווינען דיא דעמאָקראַטישע פּאַרטיי
אונטער א קאָנסערוואַטיווען פיהרער פון די איסט
אָדער סאוטה. און דאַן וועלען מיר זעהען אַ פּאָ־
ליטישען לופט־שפּרונג פון דיא רעפּובליקאַנער,

*) דיעזער איז יעצט טויט.

רעוויזירענדיג דעם טאריף אלס אפאזיציאן צו דיא דעמאקראטען*).

וואס פאר א כאראקטער דיא קומענדע פאליטישע ענדערונגען זאלען ניט האבען — זיי וועלען זיכער האבען א גינסטיגע ווירקונג אויף דעם שיקזאל פון דער סאציאליסטישער פארטיי. אלטע פארטיי־פערבינדונגען ווערען לויז; אלטע פארטיי־טראדיציאנען ווערען פערניכטעט. דיא אונטהעטיגע מאסען זיינען געצוואונגען צו זוכען א וועג זיך צו זיכערן פון'ם פאליטישען שטורם, וועלכער האט אפגעריסען דיא פארטיי־פאהנען, וואס זיינען איבערגעגעבען געווארען פון דור צו דור. און ווען דאס פאלק וועט אנהויבען צו דענקען, דאן וועלען דיא סאציאליסטען האבען א געלעגענהייט, אז מען זאל זיי אויסהערען.

דאס פאלק פון דיא פעראייניגטע שטאאטען איז שוין זייט א לאנגע צייט ניט געווען אזוי גענייגט אויפצונעהמען ראדיקאלע רעפארמען, וויא עס איז יעצט. ניט קוקענדיג אויף דעם פערהעלטניסמעסיגען צושטאנד פון הצלחה וואס דאס לאנד לעבט יעצט דורך, איז אונצופריעדענהייט דאך ווייט פערשפרייט. דיא אויפדעקונגען וואס זיינען ניט לאנג געמאכט געווארען אין דיא אינשורענס אונטערזוכונגען, — ענטדעקונגען וואס האבען אויפגעוויזען דעם פאלק דיא טיעפקייט פון שאנדע און פערברעכען, צו וועלכע אייניגע פון דיא בכובד'יגסטע זיילען פון קירכע און געזעלשאפט האבען זיך ארונטערגעלאזען צו בערויבען אלמנות און יתומים אום זיך רייך צו מאכען, און צו קארומפירען סענאטארען, געזעץ־געבערס און עפענטליכע בעאמטע אין אלגעמיין — דאס אלעס האט אוועקגענומען דאס צוטרויען פון טויזענדער וועהלער אין דיא עהרליכקייט פון דעם „בכובד'יגען" עלעמענט, וועלכער קאנטראלירט דאס רייכטהום און דיא רעגיערונג פון דיא פעראייניגטע שטאאטען.

דיא סענזאציאנעלע אויפדעקונגען פון דעם מיליאנערסקען בערזען־מעקלער, לאסאן, וועגען דיא מעשים פון דיא לייטענדע גייסטער פון דיא סטענדארד אויל קאמפאניע און וויא זיי האלטען אין האנד דיא וויכטיגסטע אינדוסטריען פון לאנד, זיינען פערפאלגט געווארען מיט אן אייינגעהאלטענעם אטהעם פון מיליאנען מענשען פון הערשענדע קלאסען.

דאס אלעס האט געווירקט, אז דאס פאלק זאל זיין גרייט פאר אן ענדערונג. עס איז געווען א ניצליכע ארבייט פון צושטערען אלטע געטער און אלטע גלויבענס. עס בלייבט יעצט פאר דיא סאציאליסטען צו קומען און אויפבויען א נייעם גלויבען און נייע אידעאלען.

מעהר בעדייטונגספאל, זאגאר וויא דער כמעט האלבער מיליאן שטימען וואס דער סאציאליסטישער קאנדידאט פאר פרעזידענט האט בעקומען אין דיא לעצטע וואהלען, איז דער נצחון פון דעם דעמאגאג, הוירסט, וועלכער איז ערוועהלט געווארען אלס מעיאר פון ניו יארק אויף א מוניסיפאל אייגענטהום פלאטפארם, נאר איז בעשווינדעלט געווארען פון זיינע שטימען דורך דער פעראייניגטער פערשווערונג פון וואלל־סטריט מאגנאטען און קארופטע פאליטישענס. אבער גנב'ענען שטימען פון דיא שטימקאסטענס איז ניט דער בעסטער שטאאטסמאנישער וועג איינצושטילען דיא אונצופריעדענהייט פון פאלק. אויך קען דער סאציאליזמוס ניט צוריקגעהאלטען ווערען דורך קארופטע דזשאדזשעס, וועלכע ענטשיידען אימער צום גונסטען פון דיא אייזענבאהנען און געברויכען זייער צארסקע מאכט צו צוברעכען סטרייקס און ארייינצו־ווארפען יוניאן פיהרער אין געפענגניס.

אין דיא לעצטע וואהלען זיינען עטליכע סאציאליסטען ערוועהלט געווארען צום שטאדט ראהטס אין פערשיעדענע טהיילען פון לאנד. דיא קומענדע קאנגרעס וואהלען דיעזען הערבסט וועלען זיך וואהרשיינליך ענדיגען דערמיט וואס דיא רעפובליקאנער וועלען פערלירען עטליכע זיצע צו מעהר ראדיקאלע קאנדידאטען, און ווען דיא סאציאליסטען זאלען נעהמען א מעהר אקטיווען אינטערעס אין דיא ברענענדע פראגען פון טאג, קענען מיר אין גיכען זעהען אייניגע סאציאליסטען אין קאנגרעס פון דיא פעראייניגטע שטאאטען.

*) דער פאקט איז אז ווען דיא דעמאקראטישע פארטיי איז אריין אין קראפט אונטער א קאנסערוואטיווען פיהרער אין יאהר 1894, האט זיא ניט ערפילט איהר פערשפרעכען און אנגעהאלטען דעם טאריף אויף א פראטעקטיווען באזיס. פון דער אנדערער זייט האבען ביידע פארטייען איבערגעביטען זייערע פריהערדיגע פאזיציאנען וועגען דער געלד פראגע. די רעפובליקאנער, צוזאמען מיט מעקינלי'ן, האבען אויפגעגעבען זייער אלטע פאדערונג פאר בימעטאליזמוס, א פאדערונג פאר וועלכער זיי האבען אגיטירט צוליעב דיא פארמערס, און זיינען געווארען מאנומעטאליסטען, וועהרענד דיא דעמאקראטען האבען אויפגעהערט זיין געלד־מענשען און זיינען ארויסגעקומען פאר פרייע זילבער, אז אזעלכע לופט־שפרייזע זאלען קענען פארקומען ווערט ערקלערט דורך דעם וואס אין דיא פעראייניגטע שטאאטען איז דא א גרויסע קלאסע פראפעסיאנעלע פאליטיקער, וועמעס מאטעריעלע אינטערעסען זיינען ניט דירעקט פערבונדען מיט א בעזונדערן קלאס אדער מיט דיזע אדער יענע עקאנאמישע טאקטיק. זייער איינציגער אינטערעס איז אנצוהאלטען זייערע עפענטליכע עמטער, און פונקט וויא דיא געדונגענע סאלדאטען פון מיטעל־אלטער — זיינען זיי בערייט צו קעמפפען פאר יעדע זאך, וועלכע פערשפרעכט נאר א באלדיגען ערפאלג.

דער סאציאליזמוס אין גאליציען.

פון פיליפ קראנץ.

דער קאמפף פיר אלגעמיינע שטימרעכט אין עסטרייך.

דריי פארטייען שטרעבען יעצט צו ארגאניזירען דעם אידישען פראלעטאריאט אין גאליציען און אויך אין בוקאווינע צום עקאנאמישען און פאליטישען קאמפף. דאס זיינען דיא פ. פ. ס. (פוילישע סאציאליסטישע פארטיי), די זאגענאנטע „סעפאראטיסטען“ און דיא פועלי־ציוניסטען.

צו ערשט קומט נאטירליך דיא פ. פ. ס., ניט נאר ווייל זיא איז געוועז דיא ערשטע צו פערשפרייטען דיא אידעען פון סאציאליזמוס צווישען דיא אידען, זאנדערן ווייל זיא איז נאך פארלויפיג דיא שטארקסטע און צאהלרייכסטע, וואס דיא „סעפאראטיסטען“ און פועלי־ציוניסטען זאלען ניט זאגען. זיא איז אויך דיא מוטער פון דיא „סעפאראטיסטען“. זיי אנערקענען עס גאנץ גוט און וויכטיגע פעלע, ספעציעל ביי דעמאנסטראציאנען, האנדלען זיי צוזאמען מיט איהר; אבער זיי ערקלעהרען, אז זיא האט ביז יעצט בעהאנדעלט דיא אידען, וויא שטיפקינדער. דארום, זאגען זיי, האבען זיי זיך אבגעטהיילט, דען פרינציפיעל עקזיסטירען אייגענטליך קיינע אונטערשיעדע צווישען זיי; נאר דער געגענקאמפף ווערט פון דעסטוועגען אנגעפיהרט זעהר שארף און ערביטערט. דיא „סעפאראטיסטען“, וועלכע שטרעבען צו ארגאניזירען א זעלבסטשטענדיגע אידישע סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי אין גאליציען, געפינען זיך יעצט צווישען צוויי פייערן: פון איין זייט האבען זיי געגען זיך דיא גאנצע פ. פ. ס. און פון דער אנדער זייט — דיא פועלי־ציוניסטען.

דיזע זעהר טרויעריגע אינערליכע שטרייטיגקייטען און רייסערייען אין א לאנד, וואס איז קולטורעל הינטערשטעליג, וואו דיא אינדוסטריע איז נאך זעהר שוואך און וואו דאס פראלעטאריאט איז פאלגליך קליין אין צאהל, וועלען נאך ליידער ווערען שארפער און ביטערער, וויא נור דאס אלגעמיינע שטימרעכט וועט דורכגעפיהרט ווערען אין עסטרייך, דען דאן וועט ארויסטרעטען אויף דער סצענע דיא אידיש־נאציאנאלע פראגע, וועלכע האט דא פריהער, קען מען זאגען, גאר קיין פאליטישע ראלע ניט געשפיעלט.

מיט דיזער פראגע, וועלכע ענטוויקעלט זיך לאנגזאם, אבער זיכער, וועלען זיך דא אלע פארטייען האבען צו רעכענען, אפילו דיא קאנסערוואטיווע פוילישע פארטיי, דיא זאגענאנטע „וווסטעשניקעס“, וועלכע זיינען דיא הערשער און וועלען נאך לאנג בלייבען דיא הערשער אין גאליציען. דיא אידישע פראגע האט דא, מוז מען צוגעבען, ניט נאר אן אלגעמיינע, זאנדערן אויך א ספעציעלע בערעכטיגונג דורך די אייגענטהימליכע אומשטענדען און דיא ספעציעלע לאגע פון דיא אידען.

נאר איידער מיר וועלען בעטראכטען דיא ספעציעלע לאגע פון גאליציאנער אידען, איז נייטיג צו וויסען, וויא אזוי מען האט אין עסטרייך געקעמפפט פיר דיא וואהל־רעפארמע, וועלכע מוז האבען א גרויסען איינפלוס אויף דיא ווייטערע ענטוויקלונג פון דער אידיש־נאציאנאלער פראגע. מיר וועלען דא דארום ווארפען א קורצען בליק אויף דעם קאמפף פיר אלגעמיינע שטימרעכט אין דער עסטרייכער אימפעריע.

דיזער קאמפף דויערט אונגעפעהר 15 יאהר. עס פערשטעהט זיך, אז עס האבען זיך געפונען גענוג ליבעראלען, שרייבערס, רעדנערס און אגיטאטארס, וועלכע האבען פערלאנגט מען זאל אבשאפען דיא אלטע וואהל־סיסטעם, וועלכע איז געוועזן א קלאסען־סיסטעם אין דער העכסטער און אונפערשעהמטעסטער פארם און וועט נאך אלס אזעלכע פערבלייבען ביי דיא וואהלען צו דיא לאנדטאגען אדער סיימען (אונגעפעהר וויא אונזערע סטייט־לעדזשיסלייטשורס). זיי האבען געפאדערט מען זאל געבען דעם גאנצען פאלק וויינינגסטענס אזא שטימרעכט וויא אין דייטשלאנד. נאר דאס זיינען אלץ געוועזן שטימען, קען מען זאגען, אין דער וויסטעניס. דיא מאסען האבען זיך כמעט גאר ניט צוגעהערט צו דיזע שטימען, און דיא רעגיערונג האט זיך דארום געקימערט וועגען דעם, וויא וועגען דעם פאר־א־יאהריגען שניי.

א ריכטיגע פאָלקס־בעוועגונג פיר דאָס אַל־
געמיינע שטימרעכט האָט זיך אָנגעפאַנגען איי־
גענטליך אין 1893, און דאָס אויך אונטער דעם
איינפלוס פון דעם אַלגעמיינעם סטרייק אין
בעלגיען אין דיעזען יאָהר. דיא סאָציאַל־דעמאָ־
קראַטיע האָט נאַטירליך שטענדיג געזוכט אויפ־
צומונטערן דיא פאָלקסמאַסען צו פאָרדערן זיי־
ער שטימרעכט; אָבער אָנצופאַנגען אַ שטאַרקע
אַגיטאַציע און בעזאָנדערס צו געברויכען אַזאַ
קאַמפּף־מיטעל וויא אַן אַלגעמיינען סטרייק האָט
זיא זיך ניט געפיהלט בכח און האָט עס אַלץ
אָבגעלייגט אויף שפּעטער, אויף גינסטיגערע
צייטען.

דער ערשטער שריט צו אַ מאַסען־קאַמפּף
פיר דאָס אַלגעמיינע שטימרעכט אין עסטרייך
איז גראָדע געמאַכט געוואָרען פון אַ אידישען
אַגיטאַטאָר אין גאַליציען. אויף דעם קאָנגרעס
פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין
גאַליציען, וועלכער איז אָבגעהאַלטען געוואָרען
אין קראַקאָוו ענדע מערץ, 1893, האָט דער בע־
וואוסטער אידישער גענאָסע דר. דיאַמאַנד פון
לעמבערג, וועלכער פערבלייבט נאָך יעצט איי־
נער פון דיא הייסעסטע און שטאַרקסטע אַנהענ־
גער פון דער פּ. פּ. ס., פּאָרגעשלאָגען, אַז ביי
דער פייערונג פון 1טען מאַי זאָל מען פאַנאַנדער־
טהיילען צווישען דיא אַרבייטער קאַרטען מיט
דער אויפשריפט: „מיר פערלאַנגען אַלגעמיינע
גלייכע, דירעקטע און געהיימע שטימרעכט“.
אַזעלכע קאַרטען האָבען געזאָלט אונטערשריבען
ווערען, אום נאָכהער צו וויסען, וויפיעל מיט־
קעמפּפער מען האָט. אייניגע דעלעגאַטען זיינען
דאַן אַרויסגעטראָטען געגען דיזען פּאָרשלאַג
אויף דעם גרונד, דאָס אין עסטרייך איז נאָך
ניט געקומען דיא צייט אָנצופאַנגען אַ ריכטיגען
קאַמפּף פיר דאָס אַלגעמיינע שטימרעכט. דאָך,
אַזוי וויא גענ. דאַשינסקי, וועלכער איז דער לייַ־
טענדער גייסט פון דיא סאָציאַליסטען אין גאַלי־
ציען, האָט אונטערשטיצט דיזען פּאָרשלאַג, האָט
גענ. דיאַמאַנד געזיעגט מיט 22 שטימען געגען
13. דיזער בעשלוס האָט אָבער גאַנץ וועניג גע־
ווירקט אויף דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין
אַנדערע טהיילען פון עסטרייך, בעזאָנדערס אין
וויען, וואו מען האָט זיך שוין צופיעל געשראָקען
פאַר דיא גרויסע שוועריגקייטען, וואָס זיינען
געלעגען אין וועג צו אַזא רעפאָרמע.

נאָר גליקליכער וויזע האָט דאַן געטראָפען
אַ פּאַסירונג, וועלכע האָט געהאַט אַן אונגעהויע־
רע וויכטיגען אָפּקלאַנג אין דער גאַנצער וועלט
און בעזאָנדערס אין עסטרייך. דאָס איז געווען
דער בעריהמטער אַלגעמיינער סטרייק אין בעל־
גיען. דיזער סטרייק האָט איינפאַך עלעקטריזירט
דיא אויפגעקלעהרטע עסטרייכער אַרבייטער. די
פיהרער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַר־
טיי האָבען זיך דאַן אויך אַרומגעזעהן, אַז אפילו
אין עסטרייך קען מען אָרגאַניזירען אַן אַלגעמיי־
נען סטרייק צו אונטערשטיצען דיא פאָרדערונג
פון אַלגעמיינע שטימרעכט. דער פּאַרטיי־אָרגאַן
„דיא פאָלקס טריבונע“ איז אַרויס מיט אַרטיק־
לען, אין וועלכע ער האָט געמונטערט דיא אַר־
בייטער צו האַנדלען ענערגיש און צו פאָלגען
מיט ענערגיע דעם ביישפּיעל פון דיא בעל־
גישע אַרבייטער.

דיזער צורוף איז שוין ניט געבליעבען ווי
אַ שטימע אין דער וויסטעניס. פון דעם 1טען
מאַי 1893 האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ טיכטיגע
אַגיטאַציע מיט צאָהלרייכע מיטינגען און דע־
מאָנסטראַציאָנען אין גאַנצען לאַנד פאַר דאָס
אַלגעמיינע שטימרעכט. דיזע בעוועגונג האָט זיך
אַזוי שנעל פערברייטעט און אַזוי טיעף גע־
ווירקט, דאָס דעם 10טען אָקטאָבער 1893 האָט
גראַף טאַאַפע, דער דאַמאָלסדיגער פּרעמיער
(פּרעזידענט—מיניסטער), אַריינגעבראַכט אַ
פאָרשלאַג אין רייכסראַטה, אַז מען זאָל פער־
שפּרייטען דאָס שטימרעכט אין דערפער אַזוי
גוט וויא אין שטעט אויף אַלע בירגער מיט אויס־
נאַהמע פון אַן אַלפאַבעטען (בעגראַמאָטנע). נור
דיא קלעריקאַלען, אַדעליגע און דיא גאַנצע רע־
אַקציאָנערע באַנדע פון עסטרייך זיינען מיט
שלָים אין מויל אַרויס געגען דיזע רעפאָרמע, און
גראַף טאַאַפע האָט געהאַט אַ קורצען סוף.

ווען דיא רעאַקציאָנערען האָבען געבילדעט
דאָס גאַליציאַנס־מיניסטעריום פון ווינדישגרעץ,
פּלענער, יאַראָווסקי און קאָמפּ. — אַלץ פערבי־
סענע געגנער פון יעדער וואַהל־רעפאָרמע —
האָבען דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען דערויף גע־
ענטפערט מיט אַן אויפפאָרדערונג צו אַן אַלגע־
מיינען סטרייק. וועגען דיעזע שטאַרקסטע און
וויכטיגסטע וואַפע אין דיא הענד פון פּראָלע־
טאַריאַט האָט מען אַלץ מעהר אָנגעפאַנגען צו
דענקען און צו אַגיטירען, דען מען האָט אַלץ
מעהר און קלאָרער איינגעזעהען, דאָס אָהן דעם
וועט מען גאָר נישט אויספיהרען.

אָבגלייך דיא פיהרער פון דער עסטרייי־
כער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָבען
זיך געפיהלט צו שוואַך צו מאַכען אַזא געוואַל־
דיגען שריט און צו נעהמען אויף זיך דיא פער־
אַנטוואָרטליכקייט, דאָך האָט מען אויף דעם
קאָנגרעס פון 1894 בעשלאָסען פּאָרצובערייטען
זיך צו אַן אַלגעמיינען סטרייק אין פאַל דיא רע־
אַקציאָנערע פּאַרטייען וועלען גאָר נישט נאָכ־
געבען.

צו אַן אַלגעמיינען סטרייק איז דאַן ניט געקומען, נאָר דיא אַגיטאַציאָן איז פאָרטגעזעצט געוואָרען אַזוי ענערגיש און שטירמיש, דאָס דיא קאָאַליציאָן פון דיא רעאַקציאָנערען איז געבראָכען געוואָרען אונטער דעם אַנשטורם פון דיא אַרבייטער־מאַסען, און אַלס פּרעמיער איז געוואָרען גראַף ב אַ ד ע נ י, וועלכער האָט אין 1896 דורכגעפיהרט דיא וואַהל־רעפאָרמע, וועלכע עקזיסטירט נאָך פאָרלויפיג. דאָס איז געוועזען אַ געוויסע פערשפּרייטונג פון וואַהל־רעכט. מען האָט דאַן נעמליך געשאַפען דיא זאָ־גענאַנטע „5־טע קוריע“. ביז דאַן האָבען עקזיסטירט נאָר 4 קוריען: דיא ערשטע — פון גרויסע גרונד־בעזיצער, דיא צווייטע — פון גרויס־האַנדעל און אינדוסטריע (האַנדעלס־קאַמערן), דיא דריטע — פון קליינבירגער און אינטעליגענץ, און דיא פיערטע — פון בויערן ווא־ בעזיצען לאַנד און אַ געוויסען פערמעגען.

דיא אַרבייטער זיינען אויף דיעזער וויינזע אין גאַנצען אויסגעשלאָסען געוועזען פון שטימרעכט ביי דיא וואַהלען צום רייכסראַטה, און אַזוי איז עס יעצט נאָך דער פאַל ביי דיא וואַהלען צו דיא לאַנדטאַגען. דאָס איז אַן אַלטע און זעהר קאָמפּליצירטע וואַהל־סיסטעם, איינגעפיהרט מיט דעם צוועק צו געבען וואָס מעהר מאַכט דיא יעניגע, וואָס בעזיצען מעהר.

אין דער 5־טער קוריע, וואָס גראַף באַדעני האָט דורכגעפיהרט — אָבער נאָר אין ש ט ע ד ט — האָבען שוין אויך געקענט שטימען קליינע האַנדווערקער און הענדלער, אָבער אַלץ ניט פּראָלעטאַריער, וועלכע בעזיצען בלויז זייער אַרבייטס־קראַפט. אין דער 5־טער קוריע שטימען, זאָ צו זאָגען, דער ערב רב פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אַזאַ קוריע האָט דיא מעהרסטע צאָהל וואָטערס, אָבער קען דאָך ניט שיקען מעהר פערטרעטער אין רייכסראַטה, וויא דיא ערשטע קוריע, וואָס בעשטעהט געוועהנליך פון אַ פּאָאַר צעהנדליג גרויסע גרונד־בעזיצערס. פון דעסטוועגען האָבען זיך דיא אַרבייטענדע מאַסען אַזוי גוט בענוצט מיט דיעזע 5־טע קוריעס, דאָס ביז 12 סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטען זיינען געשיקט געוואָרען אין רייכסראַטה.

דיא אַרבייטער האָבען נאַטירליך ניט געקענט צופריעדען זיין מיט דיעזער פערקריפּלונג פון אַלגעמיינע שטימרעכט, מיט דיעזען מפּיל־קינד פון גראַף באַדעני. נאָר צוויי מאָל איז אויסגעקומען צו וועהלען אין דיא 5־טע קוריעס — אין 1897 און אין 1900 — און ביידע מאָל האָבען דיא אַרבייטער געקענט זיך איבערצייגען, וויא דיעזער ביינדעל, וואָס דיא הערשענדע קלאַסען האָבען זיי צוגעוואָרפען — איז אַ פּיצינגער און אַ צופּוילטער. דיא אַגיטאַציאָן פאַר אַלגעמיינע שטימרעכט האָט דאַרום ניט אויפגעהערט, נאָר איז געוועזען פיעל שוואַכער וויא אין 1893 ביז 1896. אין 1905 האָט זיא אָבער אויפגעפלאַקערט מיט גרויס אימפּעט. עס האָט אויסגעזעהען אַזוי וויא דיא עסטרייכער אַרבייטער האָבען זיך אויפגעכאַפּט פון אַ לאַנגען דרעמעל. דיעזעס מאָל איז דער אַנשטורם וויעדער געקומען פון דרויסען, אָבער שוין ניט פון בעלגיען, נאָר פון רוסלאַנד.

גראַדע ווען דיא עסטרייכער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אָבגעהאַלטען איהר קאָנגרעס אין וויען אין אָקטאָבער 1905, איז אָנגעקומען דיא נאַכריכט וועגען דיא מערקווירדיגע פּאַסירונגען אין רוסלאַנד, וועלכע האָבען געצוואונגען דעם צאַר צו פערעפענטליכען דעם בעריהמטען מאַניפעסט פון 17 אָקטאָבער. דער הויפּט־צוועק פון דיעזען קאָנגרעס איז געוועזען צו בעשטימען, וויא מען זאָל צווינגען דעם רייכסראַטה אָנצונעהמען דעם פאָרשלאַג וועגען אַלגעמיינע שטימרעכט. אין אונגאַרן איז דיא לאַגע געוועזען אַזעלכע, דאָס דיא רעגיערונג זעלבסט האָט אַריינגעבראַכט אַ פּראָיעקט וועגען אַלגעמיינע שטימרעכט, און דאָס האָט נאַטירליך געווירקט, אַז דיא עסטרייכער זאָלען פערלאַנגען דאָס זעלבע. אין רעכטען מיטען פון דער הייסער דיסקוסיאָן איז אָנגעקומען אַ דעפּעשע, אַז דיא רוסישע אַרבייטער האָבען דורך זייער אַלגעמיינען סטרייק בעזיעגט דיא רעאַקציאָן און דעם צאַר אין רוסלאַנד, און דאָס האָט געווירקט וויא אַן עלעקטרישער שטראָם. דער קאָנגרעס איז גלייך אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פאָלקס־פערזאַמלונג, און דער ענטהוזיאַזמוס איז געוועזען אַן אונבעשרייבליכער. אַז אין רוסלאַנד קען מען אַזוי פיעל אויפטהאָן מיט אַן אַלגעמיינעם סטרייק, האָבען דיא עסטרייכער אַרבייטער געזאָגט, וועלען מיר בעווייזען, וואָס מיר קענען.

און זיי האָבען עס אויך בעוויעזען. זייט עסטרייך עקזיסטירט, זיינען נאָך דאָ אַזעלכע ריעזיגע און שטירמישע דעמאָנסטראַציאָנען ניט פאָרגעקומען, וויא אין נאָוועמבער 1905. עס איז ווירקליך געוועזען ערשטוינענד. דיא עסטרייכער אַרבייטער האָבען זיך אַליין ניט געגלויבט, דאָס זייערע פאָרדערונגען זיינען ביסלעכווייז אַזוי טיעף אַריינגעדרונגען אין דיא מאַסען. נאָך דיא פּאַסירונגען אין רוסלאַנד האָט דער קאָנגרעס פון דער עסטרייכער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי שנעל אָבגעהאַקט אַלע דעבאַטען און איינשטימיג בעשלאָסען אַרויסצורופען אַן אַלגעמיינען סטרייק צו גונסטען פון אַלגעמיינע שטימרעכט.

דיזער בעשלוס, וועלכער איז ערקלעהרט געוואָרען אין אַ מאַניפעסט צום פאָלק, האָט גלייך געהאַט דיא געווינשטע ווירקונג אויף דער רעגיערונג. דיא מיניסטאָרען האָבען זיך ארומגעזעהען, אַז דיעזעס מאָל האָבען זיי צו טהאָן מיט אָרגאַניזירטע מאַסען, וועלכע ווילען שוין ניט אַפּקומען בלויז מיט דעמאָנסטראַציעס און פּראָטעסטען, זאָנדערען ווילען זיך אויף ערנסט נעהמען צו זייער בעסטער און שטאַרקסטער געוועהר — צו דעם אַלגעמיינעם סטרייק. דער פּרעמיער באַראָן גאַוטש איז דאַרום פון אַ געגנער פון אַלגעמיינעם שטימרעכט געוואָרען אַן אַנהענגער פון דיעזער רעפאָרמע.

נאָכדעם וויא ער האָט ערקלעהרט, דאָס דעם 28טען נאָוועמבער, ווען דער רייכסראַטה האָט געזאָלט ערעפענט ווערען, וועט ער אריינבריינגען אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגען אַלגעמיינע שטימרעכט, האָבען דיא ארבייטער בעשלאָסען צו אָרגאַניזירען דיעזען טאָג אין גאַנצען לאַנד גרויסע דעמאָנסטראַציעס און אויך צו סטרייקען 24 שטונדען. אין וויען האָבען דיעזען היסטאָרישען טאָג פאַרביימאַרשירט לעבען רייכסראַטה אַ פיערטעל מיליאָן ארבייטער. דיעזע פּראָצעסיאָן אין געשלאָסענע רייהען האָט געדויערט ביז 5 שטונדען. דיא בערג־ארבייטער האָבען ערקלעהרט אַן אַלגעמיינען סטרייק. דיא באַהן־ארבייטער האָט מען אָבגעהאַלטען פון דיעזען שריט, דען מען האָט זיי געוואָלט האָבען אַלס אַ רעזערוו־אַרמעע פון פּראָלעטאַריאַט אין פאַל דער רייכסראַטה וועט אַלץ ניט ווילען נאָכגעבען.

גאַליציען איז ניט אָבגעשטאַנען פון אַנדערע עסטרייכער פּראָווינצען. פאַרקעהרט, זיא האָט זיך זאָגאַר אויסגעצייכענט מיט מערקווירדיג צאָהלרייכע און ענטהוזיאַזטישע דעמאָנסטראַציעס. דאָס איז טהיילווייז געקומען דורך דעם גרויסען אַנטהייל פון אידען, אפילו פון דיא חסידישע. אין לעמבערג, קראָקאָוו און אין דיא קלענערע גאַליציאַנער שטעדט האָט זיך גאָר געקעהרט אַ וועלט. פון אַלע זייטען האָט מען זיך געצויגען צו דיא דעמאָנסטראַציאָנס־פּלעצער. אַלע פאַבריקען, שעפער און קראָמען זיינען געווען צוגעמאַכט אַזוי וויא אין אַ גרויסען יום־טוב. (וויא דיעזע דעמאָנסטראַציעס זיינען פאָרגעקומען, קען דער לעזער האָבען אַ בעגריף פון דעם פאָטאָגראַפישען בילד אויף דיא ערשטע זייטע פון דעם נומער „צוקונפט.„)

דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס אין דער צייט, ווען אַ פיערטעל מיליאָן ארבייטער האָבען מאַרשירט לעבען רייכסראַטה, האָט דאָרטען דער פּרעמיער באַראָן גאַוטש ערקלעהרט אין נאָמען פון דער רעגירונג, דאָס אין פעברואַר 1906 וועט ער פאָרלעגען אַ געזעץ־פּראָיעקט, וואָס וועט אָבשאַפען דיא קוריעס און איינפיהרען דאָס אַלגעמיינע שטימרעכט אפילו פאַר אַנאַלפאַבעטען.

נאָר דערמיט האָט זיך נאָך דער קאַמפּף פיר דיעזע רעפאָרמע ניט געענדיגט. עס איז מעגליך, אַז דיעזען ווינטער זאָל ער זיך נאָך מיט מעהר קראַפט פאַנאַנדערפלאַקערן. דאָס וועט זיכער געשעהען, אויב דער רייכסראַטה וועט ניט אָננעהמען דעם פאָרשלאַג וועגען אַלגעמיינע שטימרעכט, וויא ער איז ענדליך דורכגעגאַנגען אין דער פאַרלאַמענטס־קאָמיסיאָן נאָך אַ גאַנצע רייהע רייסערייען און קאָמפּראָמיסען צווישען דיא פערשיעדענע נאַציאָנאַליטעטען. דיא רעאַקציאָנערע עלעמענטען, וועלכע האָבען אַזוי לאַנג געהערשט דורך דיא קוריען־סיסטעם, ווען נאָך פּרובירען וויעדער זייערע קרעפטע אין רייכסראַטה. זיי גרייטען זיך צו אַ ביטערען קאַמפּף, אום וועניגסטענס וויא ווייט מעגליך צו פערקריפּלען דיעזע רעפאָרמע, וועלכע הינקט סיי וויא סיי אין פיעלע פּונקטען. צום ביישפּיעל, אין פיעלע ערטער, בעזאָנדערס אין גאַליציען, האָט מען אַזוי אויסגעטהיילט די וואַהלבעצירקען, אַז דיא הערשענדע קלאַסען אָדער נאַציאָנאַליטעטען זאָלען קענען האָבען דיא מעהרצאָהל פון דיא פערטרעטער.

עס וועט נעהמען צו פיעל פּלאַץ צו בעשרייבען דיא אַלע קונצען, דריידלאַך און שווינדעל פון דיא גרונד־בעזיצערס און אַנדערע רעאַקציאָנערען צו פעלשען דאָס אַלגעמיינע שטימרעכט, אום צו קריעגען פאַר זיך וואָס מעהר פערטרעטער. יעצט הערט זיך, אַז זיי קלייבען זיך דורכצופיהרען אַ פּלוראַל־וואָטום נאָך אַ בעשטימטען צענזוס.

נאָר דאָס וועט מען זיי ניט דערלאָזען. דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען דענקען, אַז דיא וואַהלרעפאָרמע וועט אָנגענומען ווערען אין דער פאָרמע, וויא זיא איז אויסגעארבייט געוואָרען פון דער קאָמיסיאָן. איך האָב אָנגעפרעגט וועגען דעם פיעלע גענאָסען, דאַרונטער אויך גענאָסע איגנאַץ דאַשינסקי אין קראָקאָוו, און אַלע האָבען מיר געענטפערט, דאָס דיא יעצטיגע וואַהל־רעפאָרמע מוז און וועט דורכגעהן. דיא רעגיערונג וועט שטאַרק קעמפּפען דאַפיר אום אויסצומיידען אונפערמיידליכע אונרוהען.

אין אַ פּאָאַר וואָכען ארום וועט דער רייכסראַטה ערעפענט ווערען, און דיא ערשטע פראַגע אויף דער טאָגעסאָרדנונג וועט נאַטירליך זיין וועגען אַלגעמיינע שטימרעכט. מען וועט דאַן בעשטימט וויסען, וויא עס האַלט מיט דיעזער רעפאָרמע. אין פאַל זיא וועט אָנגענומען ווערען,

וועלען נייע וואהלען פאָרקומען ענדע פון דיעזען ווינטער.

יעדענפאלס איז דאָס אויך נאָר אַן אָנפאַנג. איבערדעם, וואָס דיא דיכטריקטען זיינען הימעל־שרייענד אונגערעכט צוטהיילט און וואָס דיא פערשיעדענע נאַציאָנאַליטעטען וועלען ניט זיין פערטראָטען פראָפּאָרציאָנעל צו זייער צאָהל, זאָ דאָס מען וועט נאָך וויטער האָבען צו קעמפּפען פיר אויסגלייכונגען און איבערהויפּט פיר אַ פּראָפּאָרציאָנעלע וואהל־סיסטעם (דאָס הייסט, אַז יעדע נאַציאָנאַליטעט זאָל האָבען אַזוי פיעל פערטרעטער אָדער, וויא מען רופט עס דאָ, מאַנדאַטען, צו וויא פיעל זיא איז בערעכטיגט נאָך איהר צאָהל) — אויסערדעם דאַרף מען ניט פערגעסען, אַז דיעזע רעפאָרמע איז נאָר פיר וואַהלען צום רייכסראַטה און ניט צו דיא לאַנדטאַגען. וויא נאָר מען וועט ענדליך איינגעהמען דיא שטאַרקסטע פעסטונג פון דיא פּריוויליגירטע קלאַסען, וויא נאָר מען וועט אָבשאַפען דיא קוריען־סיסטעם אין רייכסראַטה, וועט מען זיך אַ נעהם טהאָן צו שטורמען זייערע קלענערע פעסטונגען, נעמליך: דיא לאַנדטאַגען, אין וועלכע דיא גרונד־בעזיצער און גרויסע קאַפּיטאַליסטען הערשען דורך דיא קוריען־סיסטעם.

וויא לאַנג דיעזער קאַמפּף וועט דויערן איז שווער צו זאָגען, נאָר זיכער איז עס, אַז ניט אַזוי לאַנג וויא דער קאַמפּף פיר אַלגעמיינע שטימרעכט צום רייכסראַטה. אין גאַליציען וועט מען האָבען בעזאָנדערס ענערגיש און לאַנג צו קעמפּפען, דען דיא פּאָלאַקען בעהערשען דיא רוסינען און רעכענען צו דיא אידען צו זיך, גאָר ניט פרעגענדיג, אויב דיא אידען ווילען עס אָדער ניט.

נאָר וועגען דעם וועלען מיר ריידען אין נעכסטען אַרטיקעל.

לעמבערג, 3 סעפּטעמבער, 1906.

מוניציפאל סאציאליזמוס

(מיוניסיפאל אונערשיפ).

פון ת. ראָטשטיין.

3. מיוניסיפאל אונערשיפ און סאָציאליזמוס.

אין דיא צוויי פאָריגע קאַפּיטלען האָבען מיר געזעהען, אַז דער מוניציפּאל - סאָציאַליזמוס איז בעצם אַ קליין־בירגערליכע בעוועגונג. ער איז ענטשטאַנען אין דיא אינטערעסען פון דעם קליין־מענשעלע, אלס שטייער־צאָהלער, און ער ווערט געטריבען אין דיא אינטערעסען פון דעם קליין־מענשעלע, אלס קאָנסומענט. געוויס פּראָפּיטירט אויך דער פּראָלעטאַריער פון איהם. מאַנכע מאָל איז אויך ער אַ שטייער־צאָהלער און, אלס אַ לעבעדיגער נפש, איז ער אַלע מאָל אַ קאָנסומענט. אָבער, וויא מיר האָבען שוין ערקלערט פריהער, ליעגט ביי איהם דיא הויפּט אינטערעסע אַנדערס וואו. זיין אייגענע און אויך איינציגע סחורה, פון וועלכער ער לעבט, דיא אַרבייטס־קראַפט, ווערט אַליין קאָנסומירט, און ער האָט צו קעמפּפען הויפּטזעכליך מיט'ן פאַבריקאַנט, וואָס וויל בעקומען דיא סחורה וואָס ביליגער. פערקעהרט אָבער, פאַר דעם קליין־מענשעלע שפּיעלט ביליגע קאָנסומציאָן א וויכטיגע ראָלע, מחמת זיא העלפט איהם צו בעהויפּטען זיין פּאָזיציאָן אין דעם קאַמפּף מיט דעם גרויס־קאַפּיטאַל. אָט דאַריבער טאַקי זעהען מיר, אַז אין אַמעריקאַ האָט איצטער דיא בעוועגונג אַ גרויסען ערפאָלג. פון איינער זייט, דיא מאַכט פון דעם גרויס־קאַפּיטאַל, דיא טראָסטס, פון דער צווייטער — דיא קריטישע לאַגע פון דעם קליין־מענשעלע, — ביידע צוזאַמען האָבען זיי געמאכט דעם געדאנק פון „מוניסיפּאל אונערשיפּ„ פּאָפּולער. ניט אומזיסט האָט איהם אונטערגעכאפּט גראַדע דיא פּארטיי פון'ם קליין־מענשעלע.

אונטער אַזוינע אומשטענדע, דאכט זיך, וואָלט דער פּראָלעטאַריאט בעדאַרפט זיין ציממליך גלייכגילטיג צו איהם, ד. ה. ער האָט געמעגט אונטערשטיצען דיא פאָדערונג אז די שטעדטישע מאָנאָפּאָליעס זאָלען אַריבערגענומען ווערן פון דיא שטאָדט רעגיערונגען, אָבער ניט זיך רייסען דעם פעלץ וועגען דעם און ניט שטעלען דיא פאָדערונג אויבען אן אין זיין פּארטיי און וואהל־פּראָגראם. אַזוי טאַקי לערנט מען איהם אין יענע לענדער און יענע פּארטייען, וואו עס הערשען קלאָהרע בעגריפען איבער דיא פּראָלעטאַרישע אינטערעסען און איבער דיא ציעלען פון דער פּראָלעטאַרישער בעוועגונג. אין דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, צ. ב. פערנעהמט דיא פראַגע פון מוניסיפּאל־סאָציאַליזמוס זעהר א קנאַפּען פּלאַץ סיי אין איהר שטעדטישע פּראָגראם, סיי אין איהר שטעדטישע טהעטיגקייט; דעסגלייכען אין דער ענגלישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אין דער ס. ד. פ. אָבער עס זיינען דאָ אויך אַנדערע פיהרער און לעהרער פון פּראָלעטאַריאט, וועלכע טראָגען זיך נאָך אַרום

מיט קליין-בירגערליכע געפיהלען און אידעען, און זיי לעגען זעהר פיעל געוויכט אויף דעם מוניציפּאַל-סאָציאַליזמוס, דאָס זיינען יענע קליין-בירגערליכע סאָציאַליסטען, פון וועלכע דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" האָט נאָך געזאָגט אַז זיי „קעמפּפען פאר דער זאך פון דעם פּראָלעטאריאט פון אַ קליין-בירגערליכען שטאַנדפּונקט... און זיינען צו איין און דערזעלבער צייט רעאקציאָנער און אוטאָפּיסטיש". ווער זיי זיינען און וויא זיי רופען זיך אָן אין אַמעריקא, ווייס איך ניט גענוי; אָבער אין אייראָפּא זיינען דאָס מייסטענס רעוויזיאָניסטען, וויא דהיינו אין ענגלאנד דיא „פּעביען-געזעלשאַפט", אָדער אזוינע „עטהיש-עסטעטישע" סאָציאַליסטען וויא די ענגלישע „אונאבהייניגיגע ארבייטער-פּארטיי".

נאכדעם וואָס מיר האָבען געזאָגט פריהער איז עס איבריג נאָכצו-ווייזען, אַז אַלע דיא דאָזיגע סאָציאַליסטען פערוועקסלען דיא פּראָלעטארישע אינטערעסען מיט דיא קליין-בירגערליכע, און שטעלען זיך אַוועק אין זייער קאַמפּף פאר דער זאך פון פּראָלעטאריאט טאַקי אויף אַ קליין-בירגערליכען שטאַנדפּונקט. זיי פערשטעהען ניט, אַז דער פּראָלעטאריאט האָט ניט דיא לעבענס-אינטערעסע אין דער פערביליגונג פון פערברויך'ס ארטיקלען, וואָס דער קליין-מענשעלע האָט, און אַז מיט דעם, וואָס זיי לאָזען זיך לויפען נאָך דעם לעצטען, פערראטהען זיי דעם ערשטען.

דיא דאָזיגע סאָציאַליסטען אָבער האָבען נאָך אַן אַנדער טענה, — אַ טענה וואָס דיענט זיי וויא אַ פּראָלעטארישע פּאָליטור צו זייערע קליין-בירגערליכע אַנשויאונגען. זיי מיינען אַז מיט דער מוניציפּאַליזירונג פון דיא שטעדטישע אונטערנעהמונגען ווערען אויסגעארבייט דיא פּראָדוקציאָנס און פערטהיילונגס פאָרמען פון דער צוקונפט, — אַז מוניציפּאַליזאַציאָן איז דיא עקאָנאָמישע איבער-בויאונג, וואָס אַנדערע סאָציאַליסטען לעגען אָב אויף דעם „אַנדערן טאָג" נאָך דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָן. טהאַטזעכליך איז ביי זיי מוניציפּאַליזאַציאָן אַ שטיק פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָן גופא: דיא מוניציפּאַלי-אונטערנעהמונגען זיינען סאָציאַליסטישע אונטערנעהמונגען, און מיט דעם וואָס מיר וועלען ערווייטערן זייער ספערע, וועלען מיר ביסלעכווייז קענען אַרומנעהמען דיא גאַנצע פּראָדוקציאָן און אויף אַזאַ ארט פאַרווירקליכען דיא סאָציאַליסטישע אָרדנונג.

אַזוי מיינען זיי, און אַ מאָדערנע אוטאָפּיע און אַ מאָדערנע אויפפאסונג, וויא דיא זאַך איז אין דער אמת'ן, איז וואהרשיינליך נאָך קיין מאָל ניט געוועזן. לאָמיר זיך גוט צוקוקען.

וואָס אַנבעלאַנגט דיא פאָרמען פון דיא אונטערנעהמונגען גופא, זאָ איז עס קלאָהר, אַז מיט דער מוניציפּאַליזירונג האָט זיך אין זיי גאָרנישט געענדערט. אלס מאָנאָפּאָל-אונטערנעהמונגען האָבען זיי שוין געהאט יענע אָרגאַניזירטע און אַל-אומפאסענדע סאָציאַלע פאָרמע, וועלכע עס וועלען האָבען דיא אונטערנעהמונגען אין דער צוקונפט. דיא פאָרמען האָט אויסגעארבייט דער גרויס-קאַפּיטאַל און פונקט דיזעלבע בלייבען זיי, ווען זיי ווערען איבערגענומען פון דער שטאָדט. וואָס עס בייט זיך אין זיי, איז בלויז דער אייגענטהימער, ניט אָבער דיא פאָרמען.

אָדער, זאָגט מען אונז, גראד אָט דיא אומבייטונג פון דעם אייגענטהימער מאכט דיא מוניציפּאַל-אונטערנעהמונגען פאר סאָציאַליסטישע. פריהער זיינען זיי געווען פּריוואַטע, וואָס האָבען געדיענט דעם צוועק פון פּריוואַט-פּראָפיט און איצטער זיינען זיי געזעלשאַפטליכע און דיענען דעם צוועק פון געזעלשאַפטליכען נוטצען.

גאַנץ שעהן, צוערשט אָבער פרעגען מיר: ווער איז דיא „געזעלשאַפט" וואָס בעזיצט דיא אונטערנעהמונגען און פאר וועמעס נוטצען זיי ווערען עקספּלואַטירט? די „געזעלשאַפט" וואָס בעקומט דיא נוטצען, האָבען מיר שוין געזעהן: דאָס איז דיא „געזעלשאַפט" פון דיא שטייער-צאָהלער און דיא קאָנסומענטען, ד. ה. דיא קליין-בורזשואַזיע. דאָס איז עס דיא „געזעלשאַפט", פאַר וועמעס נוטצען דיא מוניציפּאַל-אונטערנעהמונגען ווערען עקספּלואַטירט, ניט קיין אַנדערע. אמת, דער פּראָלעטאריאט בעקומט אויך עטוואָס פון זיי: אָבער ער בעקומט אויך עטוואָס צ. ב. פון דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטרי. קענען מיר דען זאָגען, אַז דיא אינדוסטרי ווערט געטריבען אין זיינע אינטערעסען?

דאַן אָבער, ווער איז דיא „געזעלשאַפט" וואָס בעזיצט דיא מוניציפּאַל-אונטערנעהמונגען? דאָס איז דיא היינטיגע געזעלשאַפט, דיא קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, דיא קלאַססען-געזעלשאַפט. זיא בעזיצט עס דיא אונטערנעהמונגען, ניט קיין אַנדערע. אָבלייקענען דאָס קען מען ניט, ווייל דער סימן, דער מעהרווערטה, ליגט דייטליך אויפ'ן שטערן. די אונטערנעהמונגען ווערען געפיהרט פאר פּראָפיט, — פאַר'ן פּראָפיט פון דעם שטייער-צאָהלער; און פון וואַנען נעהמט זיך דער פּראָפיט, ווען ניט פון דעם מעהר ווערטה, וואָס ווערט פון דעם ארבייטער ארויסגעקלאַפּט? שטעלען מיר זיך אָבער פאָר, אַז דער שטייער-צאָהלער ענטזאָגט זיך פון זיין פּראָפיט. ביז אַהער איז דאָס ניט געוועזן (חוץ אויף וואַסער) און וועט אויך ניט זיין, ווייל זאָנסט לוינט דעם שטייער-צאָהלער דער גאַנ-

צער שפּיעל ניט. אָבער שטעלען מיר זיך פאָר, אַז דאָס איז יאָ מעגליך, — פּיעלייכט אין אַ רובע אָדער אין קאַטאַניאַ, וואו עס האָבען אויפן שטאָדט־ראַטה געהערשט דיא סאָציאַליסטען, איז דאָס געווען אַזוי. וואָס דאַן? בלייבען דען ניט דיא אבצאָהלונגען פון דיא פּראָצענטען אויפן געבאָרגטען קאפּיטאל און דיא אָבצאָהלונגען פון דעם קאפּיטאל גופא? מיר האָבען געזעהען אַז אין דיא ענגלישע מוניציפּאל־אונטערנעהמונגען איז אין 1902 געווען אריינגעלייגט אַ קאַפּיטאל פון 121 מיליאָן פונט און יעדען יאָהר האָבען זיי געצאָהלט זייערע קרעדיטאָרען — דיא בע־זיצער פון דיא אָבליגאַציעס — העכער ווי 4 מיל־ליאָן פונט פאר פּראָצענט און אויפן חוב. פון וואנען נעהמט זיך אָט דיא סומע וואָס איז דאָך אויך אַ פּראָפיט אויפן קאפּיטאל, אויב ניט פון דעם מעהר־ווערטה? און אַז דער חוב וועט אין 50, 60 אָדער 100 יאָהר שוין זיין אויסגע־צאָהלט, אָדער אַז מיר זאָלען זיך פאָרשטעלען אַז דער קאפּיטאל ווערט ניט געבאָרגט, נאָר ווערט בעשאַפען פון דיא שטייערן,—וואָס דאַן? בלייבט דען ניט צו בעדעקען דעם קאפּיטאַליס־טישען פּראָפיט, וואָס איז פערקערפּערט אין דעם קאנסטאַנטען טהייל פון דעם קאפּיטאל פון דיא מוניציפּאל־אונטערנעהמונגען — אין דיא גע־ביידען, מאשינען, מאַטעריאַלען, א. ז. וו., און וויא אנדערס בעדעקט מען איהם, וויא ניט דורך דעם מעהר ווערטה? און אָט דערפון קען מען זיך שוין אין דער קאפּיטאַליסטישער וועלט ניט אויסדרעהען אויף קיין וועג: דיא ארבייטער אין דיא מוניציפּאל־אונטערנעהמונגען מוזען שאַ־פען מעהר־ווערטה כדי צו בעצאָהלען דעם פּראָ־פיט פון דיא קאפּיטאַליסטען, וואָס האָבען צו־געשטעלט דיא מאשינען, געביידען, א. ד. גל. און דיזער מעהר־ווערטה וועט זיין אום אַזוי פיעל גרעסער, וואָס וויינינגער דאָס קאָנסומענטען פּובליקום וועט ווערען בעריסען, אַזוי אַז אויב דיא פּראָדוקטען זאָלען ווערען אָבגעגעבען אומ־זיסט — מאַנכע קליין־בירגערליכע סאָציאַליס־טען חלום'ן — וועט מוזען דער מעהר־ווערטה זיין אונגעהייער. אָט דאריבער טאַקי קומט עס אויס, אַז דיא שטעדטישע ארבייטער בעקומען אומעדום אַ קלענליכען לוין — אָפטמאָהל פּיעל ווינציגער וויא אין אַ גרויסע פּריוואט־קאפּיטאַ־ליסטישער אונטערנעהמונג, — און אַלע מיהע צו פּערזיכערען זיי אַן אַנשטענדיגען לעבען געהען ניט ווייטער, וויא דיא רייד און די דעפּוטאַציעס, אין וועלכע זיי דריקען זיך אויס. אָט דאָס איז דיא „געזעלשאַפט" וואָס באַזיצט דיא מוניצי־פּאל־אונטערנעהמונגען! אַ סאָציאַליסטישע אונ־טערנעהמונג אין דער קאפּיטאַליסטישער וועלט איז נאָך אַ גרעסערע אילוזיאָן, וויא אַ סאָציאַ־ליסטישע קאָלאָניע אין דער בורזשואַזנער גע־זעלשאַפט.

ענדליך וואָס אנבעלאַנגט דער מיינונג, אַז מיט דער ווייטערער אויסשפּרייטונג פון דער מוניציפּאַלער טהעטיגקייט וועט פּאַמעלאַכווייז אריינגעפיהרט ווערען דיא סאָציאַליסטישע גע־זעלשאַפטס־אָרדנונג, זאָ געהערט זיא צו יענע אוטאָפּיעס, וואָס זיינען אַזוי בעליעבט פון די סאָציאַליסטען, וועלכע גלויבען ניט אין דעם קלאַססענקאַמפּף, וואָס אנערקענען ניט אין דעם פּראָלעטאַריאַט דעם איינציגען און איינציג־מעג־ליכען טרעגער פון סאָציאַליזמוס, און מיינען אַז דער סאָציאַליזמוס איז ניט דיקטירט פון דיא מאַטעריעלע בעדינגונגען, אין וועלכע דיא אר־בייטער קלאַססע געפינט זיך, נאָר פון דיא גע־פיהלען פון יושר, וואָס קענען אויך ארומנעהמען און וועלען ארומנעהמען די בורזשואַזיע. דאָס איז דיא זעלביגע אוטאָפּיע, וואָס זעהט אין דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע דעם זאַמען פון דער סאָציאַלער דעמאָקראַטיע, און אין דער געווערק־שאַפטליכער אָרגאַניזאַציאָן — דעם וועג צו „רעפּובליקאַנישע" ווערקשטאַטען. אין אַלע דיזע פּעלע רעכענען זיך ניט דיא אוטאָפּיסטען מיט דיא קלאַססען־אַנטאַגאָניזמען, וואָס בעהערשען דיא היינטיגע געזעלשאַפט, און זעהען ניט דעם קלאַססען־פונדאַמענט, אויף וועלכען אַלעס רוהט. אין דעם געגעבענעם פאַל — צ. ב. אין דעם פאל פון דיא מוניציפּאַל־אונטערנעהמונגען — זעהען זיי ניט דיא קליין־בירגערליכע אינטערעססען, וואָס ליעגען זיי צו גרונד, און מיינען דאריבער אַז זיי קענען זיך רוהיג ענטוויקלען ווייטער, ביז אַלעס וועט פון זיי ווערען ארומגענומען. מיר האָבען שוין געזעהען וויא דאָס איז פאַלש. מיר האָבען געזעהען אַז ווייל דער מוניציפּאַל־סאָציאַ־ליזמוס איז אַ קליין־בירגערליכע בעוועגונג, שטעלט ער זיך אָב ביי דעם פּונקט, וואו עס ווערען שוין בעריהרט דיא אינטערעססען פון דעם קליין־מענשעלע, און איהר מעגט אגיטירען, וויא פּיעל איהר ווילט, וועט איהר קיין מאָל ניט ער־רייכען אַז אויך דיא אונטערנעהמונגען, וואָס ליעגען אין דיא הענט פון דעם קליין־קאַפּיטאַל, זאָלען מוניציפּאַליזירט ווערען, הגם זיי זיינען נאָך וויכטיגער פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט, וויא אַלע אנדערע. דאָ שטויסען זיך אָן דיא פּראָלע־טאַרישע אינטערעסען אָן דיא קליין־בירגערליכע. אָבער אויך מיט דיא גרויס־קאַפּיטאַליסטישע אינטערעססען מוזען דיא לעצטערע קומען אין קאָנפליקט. אייגענטליך דער קאָנפליקט האָט זיך שוין אָנגעהויבען. דיא ענטוויקלונג פון עלעקט־ריציטעט אין די לעצטע יאָהרען האָט געעפענט אַן אונגעהייער־רייכען פעלד צו בעאַרבייטען, וואָס גיט (און פערשפּרעכט נאָך מעהר אין דער

צוקונפט) אמת'ע וואונדער־פראפיטען. דיא נייע קראפט דיענט ניט נאר צו בעלייכטונג און ניט נאר צו פערקעהרס־צוועקען (טראמוויים, אייזענבאהנען א. ד. ג.), נאר זיא ווערט אנגעווענדעט אויך אין דיא פאבריקען אלס טרייב־קראפט און האט גוטע אויסזיכטען צו פערנעהמען דעם פּלאץ פון דאמפף. מען זאגט דאך, אז אזוי וויא דער 19טער יאהר־הונדערט איז געווען בעהערשט פון דער דאמפף־מאשינע, אזוי וועט דער 20טער זיין בעהערשט פון דעם עלעקטרישען מאטאר. נאטירליך האבען זיך די מוניציפּאליטעטען גלייך א לאז געטהאן אויף דיעזען פעלד, — בפרט אז זיי האבען שוין פון פריהער געהאט אין דיא הענט דיא בעלייכטונג און דיא שטראסען־פערקעהרס־מיטלען. אבער אויך דער גרויסער פּריוואט־קאפּיטאל, וואס קוקט נאר אויס, וואו זיך אריינצוווארפען, האט גענומען לויפען צו דיא ניי־ענטדעקטע גאלד־גרוב, — און דערפון איז ענטשטאנען א קאנפליקט, — א אינטערנאציאנאלער „עלעקטרישער" קאנפליקט, וואס לאזט זיך פיהלען אין אמעריקא אזוי וויא אין רוסלאנד, אבער מעהר וויא אומעדום אין ענגלאנד. ביז איצטער האט מען דעם מוניציפּאל־סאציאליזמוס געלאזען לויפען פריי און פראנק; אבער תיכף וויא דער גרויס־קאפּיטאל האט זיך דערזעהען פארצעפּעט פון איהם טיעף אין ביין, האט ער א געשריי געטהאן: ביז־א־הער און ניט ווייטער! דיא לאנדאן „טיימס" האט פערעפענטליכט א סעריע דונערנדע ארטיקלען געגען דעם מוניציפּאל־סאציאליזמוס, בעווייזענדיג, וויא שעדליך ער איז פאר דעם שטייער־צאהלער און וויא צושטערנד ער ווירקט אויף פּריוואט־אונטערנעהמונגען. דאס גלייכע האבען געטאהן אנדערע צייטונגען און זשורנאלען, לעקטשורערס האבען גענומען ארומפאהרען איבער גאנץ ענגלאנד און אגיטירען, און אויך פון אמעריקא האט מען אויסגעשריבען דעם בעוואוסטען הערן פּארטער. סוף כל סוף האט זיך אויך אריינגעמישט דיא רעגיערונג און צוויי מאל זיינען פּארלאמענטארישע קאמיסיעס געזעסען, אונטערזוכענדיג דיא ווירקונגען און דיא אויפפיהרונג פון דיא „סאציאליסטישע" מוניציפּאליטעטען. וואלט דיא קאנסערוואטיווע רעגיערונג ניט געפאלען, וואלט די געזעצגעבונג געוויס עפּעס אויסגעטראכט כדי אבצושטעלען דעם גאנג פון מוניציפּאל־סאציאליזמוס. אזוי אבער וויא איצטער זיצט ביי דיא פלייש־טעפּ א ליבעראלע מיניסטעריום — און דער ליבעראליזמוס איז איצטער געווארען דער פּאליטישער אויסדרוק פון דער קליין־בורזשואזיע, — וועט אין דער הינזיכט געוויס גאר ניט געשעהען, — ביז דיא קאנסערוואטארען וועלען זיך ווידער ניט אריינכאפּען אין מאכט. אט דא איז דער מוניציפּאל־סאציאליזמוס געקומען צו זיינע נאטירליכע גרענעצען. פון איינער זייט שטעלט ער זיך אב, און עס הייבען זיך אן דיא פּראלעטארישע אינטערעסען; פון דער אנדער זייט ווערט ער אליין אבגעשטעלט, וואו עס הויבען זיך אן דיא גרויס־קאפּיטאליסטישע אינטערעסען, — און ער בלייבט שטעקען אין מיטען, וויא דיא קליין־בורזשואזיע אליין, אין וועמעס אינטערעסען ער איז ענטשטאנען און עקסיסטירט.

בכן זעהען מיר, וואס פאר א אוטאפּיע דאס איז צו גלויבען, אז דער מוניציפּאל־סאציאליזמוס וועט זיך ווען עס איז ענטוויקלען צום געזעלשאפטליכען סאציאליזמוס. דיא אוטאפּיסטען האבען פּשוט ניט דורכגעדאכט זייער געדאנק, און זיינען געבליבען שטעקען אין דעם קרייז פון דיא קליין־בירגערליכע אידעען, מיט וועלכע זיי זיינען צוגעטראטען צו זייער פּלאן. וויא דער דייטש זאגט: זיי זיינען גאנץ גוטע מענשען, אבער שלעכטע מוזיקאנטען.

מיר זיינען געקומען צום שלום. מיר האבען בעוויזען, וויא דער מוניציפּאל־סאציאליזמוס איז ענטשטאנען, וועמעס אינטערעסען ער דיענט, און וויא לייכטזינניג מען שטרעבט איהם צוצופּאסען צו דעם פּראלעטארישען בעפרייאונגס־קאמפּף. דיעזע בעפרייאונג קען נאר פערווירקליכט ווערען מיט דער עראבערונג פון דער פּאליטישער מאכט, און אלעס, וואס ציהט אב דיא אויפמערקזאמקייט פון דעם פּראלעטאריאט פון דיעזען ציעל, איז רעאקציאן און אוטאפּיע. גראד אין אמעריקא, וואו דער פּראלעטאריאט איז נאך יונג און דיא קליין־בורזשואזיע האלט אין אונטערגעהן, איז עס דאפּעלט לייכט צו פערפיהרען איהם מיט קליין־בירגערליכע לאזונגען. דעריבער איז עס דיא ערשטע פּפליכט פון דער אמעריקאנער סאציאל־דעמאקראטיע צו זיין פּארזיכטיג און זעהן אליין ניט צו פערקריכען אין דעם קליין־בירגערליכען זומפּ, און ניט צו דערלאזען דעם פּראלעטאריאט פערקריכען אהין. מיר האפּען אז אויך אונזער ערקלערונג וואס דער „מוניציפּאל־סאציאליזמוס" איז, וועט האבען בייגעטראגען צו דעם געווינשטען רעזולטאט.

דיא געגענוואַרט און צוקונפט פון דער טרייד־יוניאן בעוועגונג.

פון וו. עדלין.

פאָררעדע

אין „קאַפּיטאַל“, ביי דער בעהאַנדלונג פון דעם ווערטה פון דער אַרבייטס־קראַפט אין קאַפּיטעל זעקס, ערשטער באַנד, זאָגט קאַרל מאַרקס דאָס „אין געגענזאַץ צו אנדערע סחורות ענטהאלט דיא ווערטה בעשטימונג פון אַרבייטס־קראַפט א היסטאָרישען און מאָראַלישען עלעמענט.“

דאָס מיינט, אז אָבוואָהל אַרבייטס־קראַפט, וועלכע דער ארבייטער פעֿרקויפט איז א סחורה, פאַר וועלכער מען בעצאָהלט אזוי פיעל וויא עס איז נויטהווענדיג אום דיא אַרבייטס־קראַפט ווידער צו פּראָדוצירען, דאָך אונטערשיידעט זיך דיזע סחורה פון אלע אנדערע סחורות, דערמיט וואָס זיא איז אַ טהייל פון א לעבעדיגען מענש, דערמיט וואָס אין דער בעשטימונג פון איהר ווערטה ווערט אריינגענומען אין רעכנונג א היסטאָרישער און מאָראַלישער עלעמענט, וויא, צום ביישפּיעל, דיא מדרגה פון דער ציוויליזאַציאָן, אין וועלכער דער אַרבייטער לעבט און דער מינימום פון בעדירפנישען, מאַטעריעלע און גייסטיגע, וועלכע יעדער לעבעדיגער מענש מוז צופריעדענשטעלען.

פערשטעהט זיך, אויף דעם מאַרק וואו דער קאַפּיטאַליסט און דער אַרבייטער טרעפען זיך, האָט יעדער אין אויג נור זיך אליין. דער קאַפּיטאַליסט זוכט צו בעצאָהלען פאַר דיא סחורה פון דעם אַרבייטער, פאַר דיא אַרבייטס־קראַפט, אזוי וועניג וויא נור מעגליך, וועהרענד דער אַרבייטער זוכט צו קריגען וויפיעל ער קען. אָבער אַ מיטעל־פּונקט איז דאָ, א ליניע, איבער וועלכער דער אַרבייטער קען אין דער עקזיסטירענדער אָרדנונג ניט פיעל ארויפשלעפען און הינטער וועלכען דער קאַפּיטאַליסט קען אויך ניט פיעל אַרונטער ציהען. דיזער מיטעל־פּונקט, וועלכע עקאָנאָמיסטען, וויא ריקאַרדאָ, רופען אָן „נאַטירליכער לוין,“ איז יענע געצאָהלט וועלכע מאַכט מעגליך פאַר דעם אַרבייטער צו רעפּראָדאָצירען זיין אַרבייטס־קראַפט, לויט דיא בעשטימונגען פון דער צייט אין וועלכער ער לעבט.

דיזער מיטעלפּונקט האַלט זיך שטענדיג אין איין הויבען. וואָס מעהר אַלגעמיין ציוויליזירט א לאַנד איז, אַלץ העכער איז דיא געצאָהלט, וועלכע אַרבייטער קריגען פאַר זייער אַרבייטס־קראַפט; און אין דער עקזיסטירענדער, קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס סיסטעם איז דיא ארבייטער־יוניאָן איינע פון דיא וויכטיגסטע פאקטאָרען אין דער הויבונג פון מיטעל־פּונקט, אין דיא בעשטימונג פון יענעם היסטאָרישען און מאָראַלישען עלעמענט, וועלכער שפּיעלט אַ ראָלע אין דער בעשטימונג פון דעם ווערטה פון דער אַרבייטס־קראַפט.

דיא אַרבייטער־יוניאָן, אָדער — וויא זיא ווערט גערופען אין אלע לענדער לויט דיא פאָרמע פון איהר אָרגאַניזאציאָן — דיא טרייד יוניאָן, איז אַ פּראָדוקט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. דער אַרבייטער איז געטריעבען צו דער טרייד־יוניאָן, אום זיך צו בעשיצען געגען קאַפּיטאַל, וועלכער האָט דעם כאַראַקטער פון אַ וואַמפּיר און איז בערייט ארויסצוקוועטשען פון דעם אַרבייטער יעדען מוסקעל, יעדען נערוו, און יעדען טראָפּען בלוט, אַבי מעהר פּראָפיט ארויסציהען פאר זיך.

דערפאר האָבען מיר דאָס טרייד־יוניאָנס אין אלע קאַפּיטאליסטישע לענדער. וואו נור דיא סיסטעם פון קאַפּיטאַליסטישע אויסבייטונג איז אין פולען גאַנג, דאָרט געפינט מען דיא אַרבייטער פעראייניגט לויט זייערע טריידס פאַר צוועקען פון זעלבסט־בעשיטצונג. נאַטירליך, אַזוי וויא דער קאַפּיטאַליזמוס איז ניט אין אַלע לענדער, און אויך ניט אויף אלע געביטען פון איין לאנד, גלייך ענטוויקעלט, געפינט זיך אויך דער קלאַסען־כאַראַקטער פון דיא אַרבייטער און זייער קלאַסען בעוואוסטזיין אויף פערשיעדענע שטופען פון ענטוויקלונג — דאָ וועניגער און דאָרט מעהר, דאָ שוואַכער און דאָרט שטאַרקער, אָבער איבעראל איז דיא טענדענץ פון דיא אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען אָנצונעהמען אונטער גלייכע צושטענדע דיעזעלבע פאָרמע — איבעראל איז דיא טרייד יוניאָן ארויסגערופען פון דיזעלבע אורזאכע און איבעראל ציעלט דיא טרייד יוניאָן צו דעם זעלבען צוועק.

דאָס ציינט זיך ארויס קלאָהר, ווען מען מאַכט אַן אונטערזוכונג איבער דיא ענטוויקלונג פון דער טרייד־יוניאָן בעוועגונג אין דער גאַנ־

צער קאפּיטאליסטישער וועלט, דאָס הייסט, אין אַלע ציוויליזירטע לענדער וואו די מאָדערנע פּראָדוקציאָנס פאָרמע עקזיסטירט און האלט זיך אין ענטוויקלען.

און דאָס איז וואָס מיר וועלען טהאָן אין א סעריע ארטיקלען.

1.

דער יעצטיגער צושטאנד פון די יוניאָנס אין די קאפּיטאליסטישע לענדער.

אין דער דייטשער „נייע צייט“ פון 12טען מאַי, דיזען יאָהר, האָט ווילהעלם יאנסאָן פער־עפענטליכט אַן ארטיקעל, אין וועלכען ער גיט איבער אינטערעסאנטע סטאטיסטישע פאקטען וועגען די טרייד יוניאָנס פון 13 אייראָפּעאישע לענדער. דיזע פאקטען זיינען געזאַמעלט געוואָרען פון דעם סעקרעטער פון אינטערנאציאָנאַלען געווערקשאפטען־פערבאנד, קארל לעגיען, און בעציהען זיך הויפּטזעכליך אויף דעם מאטעריעלען צושטאנד פון די טרייד־יוניאָנס.

די 13 לענדער, פון וועלכע עס ווערט אין דעם דערמאָהנטען ארטיקעל געשפּראָכען זיינען:

ענגלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך, איטאליען, שוועדען, דענעמארק, שפּאניען, אונגארן, שווייצערלאנד, האָללאנד, נאָרוועגען, סערביען און בולגאריען.

לויט דעם רעפּאָרט, וועלכען דער אינטערנאַציאָנאַלער סעקרעטער, קארל לעגיען, האָט צוזאמענגעשטעלט וועגען די טרייד־יוניאָנס אין דיזע 13 לענדער פאר דעם יאָהר 1904, געפינען זיך דאָרט 4,226,738 אָרגאַניזירטע „ארבייטער און ארבייטערינען.“ די לענדער פראנקרייך און בעלגיען האָבען זייערע רעפּאָרטס ניט אריינגעשיקט אין דער אינטערנאציאָנאַלער ביוראָ, און דערפאר ווערט וועגען זיי קיין ציפער ניט געגעבען פון אינטערנאציאָנאַלען סעקרעטער, און דאָ קומט ווילהעלם יאנסאָן, דער פערפאסער פון דעם ארטיקעל, אין דער „נייער צייט“, און העלפט ארויס מיט ציפער פאר דיזע צוויי לענדער אויך. פראנקרייך גיט ער די צאָהל פון 715,576 און בעלגיען די רונדע־צאָהל פון א 20,000 יוניאָן מיטגליעדער. אַלזאָ צורעכנענדיג די מיטגליעדערשאפט פון דיזע צוויי לענדער קריגען מיר א סך הכל פון 4,962,314 טרייד יוניאָן אָרגאַניזירטע פּראָלעטאריער אין אייראָפּאַ.

דאָס גיט אונז אָבער נאָך ניט דעם ריכטיגען בעגריעף פון דעם צושטאנד פון די טרייד־יוניאָנס אין די קאפּיטאליסטישע לענדער. ערשטענס זיינען די אָנגעגעבענע ציפער פאר דעם יאָהר 1904, צווייטענס זיינען די ציפער פאר פראנקרייך ניט אין גאנצען ריכטיג, און דריטענס, געפינען זיך דאָרט ניט די ציפער פאר די „קאפּיטאליסטישסטע“ פון אַלע קאפּיטאליסטישע מדינות, נעמליך, די יונייטעד־סטייטס אָוו אמעריקא — דאָס לאנד, וואו מען קען קלאָהר אָנדייטען אויף דער ווירקליכער „דיקטאטור פון קאפּיטאל,“ וויא קארל קאוטסקי דריקט זיך אויס.

פערגעסען דאַרף מען ניט, דאָס זייט 1904, זיינען די טרייד־יוניאָנס ניט געשטאנען אויף איין פּלאטץ. פיעלע פון זיי האָבען אין דיזער קורצער צייט ריעזיגע קעמפּפע דורכגעמאכט און האָבען אָדער פערלאָרען, אָדער פיעל צוגעוואונען אין צאָהל פון מיטגליעדער. נעהמט, צום ביישפּיעל, עסטרייך; דאָרט זיינען וועהרענד דעם יאָהר 1905 צוגעקומען 117,448 יוניאָן־מיגליעדער. פארקעהרט, וויעדער, נעהמט פראנקרייך. דאָרט איז די אמת'ע צאָהל פון יוניאָן־מיטגליעדער פיעל ווייניגער וויא ווילהעלם יאנסאָן גיט אָן אין דער „נייע־צייט.“ נאטירליך, יאנסאָן האָט די ציפער ניט אויסגעטראכט פון קאָפּ. ער האָט זיי גראדע גענומען פון דער רעגיערונגס־יעהרליכען רעפּאָרט, אָבער זאָלאנג די פראנצויזישע יוניאָנס אליין פיהרען ניט קיין גאנץ ריכטיגע רעכענונג פון זייערע מיטגליעדער, קען מען ניט ערווארטען, אז א רעגיערונגס־רעפּאָרט זאָל ענטהאלטען ריכטיגע פאקטען. וואָס אנבעלאנגט די יוניאָנס פון די יונייטעד־סטייטס, איז אויך דערוויילע שווערליך צו זאָגען גאנץ ריכטיג די ווירקליכע צאָהל פון יוניאָן־מיטגליעדער. דאָך, אזוי וויא די יוניאָנס דאָ פיהרען זיך מיט א סיסטעם פון גוטע בוכפיהרונג, איז מעגליך אויסצורעכנען אונגעפעהר די ריכטיגע צאָהל. יעדענפאלס קענען מיר האָפען, אז אין דער נאָהענטער צוקונפט וועט דיזע ארבייט לייכטער ווערן, ווייל פּרעזידענט סאמועל גאָמפּערס, פון די „אמעריקאן פעדערייזשאָן אָוו לייבאָר,“ האָט געשריעבען צו קארל לעגיען, דעם סעקרעטער פון אינטערנאציאָנאַלען געווערקשאפטען פערבאנד, דאָס עס איז מעגליך, אז די „אמעריקאן פעדערייזשאָן אָוו לייבאָר“ זאָל שיקען א דעלעגאט צו די קומענדע אינטערנאציאָנאַלע קאָנפערענצען פון די טרייד־יוניאָנס.

* * *

ווען קארל מארקס האָט געשריעבען זיין מאָנומענטאלע ווערק, „קאפּיטאל,“ האָט ער גענומען ענגלאנד אלס די קלאסישע קאפּיטאליסטישע מדינה און האָט איהר ארויסגעשטעלט אלס א שפּיגעל צו די אנדערע לענדער, וועלכע האָבען געהאלטען אין ענטוויקלען זיך אויף דעם וועג צום קאפּיטאליזמוס. ענגלאנד האָט שוין אין די זעכציגער יאָהרען פון לעצטען יאָהר־הונדערט ענטהאלטען דעם ענטוויקעלסטען קאפּיטאליסטען־קלאס, אזוי גוט וויא דעם ענטווי־

קעלסטען אַרבייטער קלאַס; און יעדער הינזיכט האָט זיא דאָן געקענט אַרויסגעשטעלט ווערען אַלס „קלאַסישער פאָרבילד" פון אַ קאַפּיטאַליס־טישער אָרדנונג; און דער אונשטערבליכער מאַרקס האָט קיין בעסערע לאַנד פאַר זיין צוועק ניט געקענט אויסקלייבען.

יעצט איז עס אָבער אַנדערש. עס איז ניטאָ קיין איין מדינה, וועלכע זאָל אין אַלע הינזיכטען, אין אַלע איהרע טענדענצען, אויף אַלע זייטען פון איהר פּראָדוקציאָנס מעטהאָדע, זיין גלייך קאַפּיטאַליסטיש ענטוויקעלט. אַזוי זאָגט קאַרל קאַוטסקי. אַן אַנדער געלעהרנטער מאַן, וועלכער אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט סאָציאַליסטישע פראַגען, אָבוואָהל ער אַליין איז ניט קיין סאָציאַל־דעמאָקראַט, פּראָפעסאָר זאָמבאַרט, דענקט אַפילו, אַז אַמעריקא איז יעצט דיא קלאַסישע קאַפּיטאַליסטישע לאַנד. אָבער קאַוטסקי קרי־טיקירט איהם אויף דיזען פּונקט און מאַכט אויפמערקזאַם דאָס נור אין איין הינזיכט קען אַמעריקא גערעכענט ווערען פאַר דאָס קלאַסישע מדינה, און דאָס איז אין דער ענטוויקלונג און ממשלה פון איהר קאַפּיטאַליסטען קלאַס.. „אין אַמעריקא קען מען מעהר וויא אירגענד־וואו אַנדערש רעדען פון דער דיקטאַטור פון קאַ־פּיטאַל," זאָגט ער.

קאַוטסקי איז גערעכט, וויא יעדער אַמערי־קאַנער סאָציאַליסט מוז צוגעבען; אָבער דיזער פאַקט אַליין, נעמליך, דאָס אין דיזער מדינה האָט דער קאַפּיטאַליסטען־קלאַס דערגרייכט דיא העכסטע מדרגה פון ענטוויקלונג, אָט דיזער פאַקט ענטהאַלט שוין מעגליך אויך אַן ערקלעה־רונג פון דער הינטערשטעלליגקייט פון דיא אַמע־ריקאַנער אַרבייטער אין קלאַסען בעוואוסטזיין. דיזען פּונקט ווילען מיר אָבער אָנריהרען שפּע־טער. וויכטיג איז דאָ יעצט נור אָנצודייטען אויף דעם, וואָר דיא דריי לענדער, וועלכע זיינען פון דעם שטאַנד־פּונקט פון קאַפּיטאַליזמוס דיא ציווי־ליזירטעסטע און מאָדערנסטע האָבען דיא גרעסטע צאָהל אָרגאַניזירטע אַרבייטער, דיא גרעסטע אַרמעע פון טרייד־יוניאָניסטען. דיע־זע דריי לענדער זיינען: אַמעריקא, ענגלאַנד און דייטשלאַנד.

מיר האָבען שוין פריהער געזעהן וויא דיא 15 אייראָפּעאישע לענדער האָבען אין יאָהר 1904 געהאַט אונגעפעהר 5 מיליאָן יוניאָן מיט־גליעדער. אין יענעם יאָהר האָט אָבער ענגלאַנד אַליין געהאַט 1,889,590 מיטגליעדער, דייטש־לאַנד 1,466,625, און אַמעריקא אונגעפעהר 1,900,000. זייט 1904 איז דיא צאָהל פון טרייד־יוניאָניסטען געוואַקסען אין אַלע דיזע דריי לענדער, אין אַמעריקא ניט אויף אַזוי פיעל וויא אין ענגלאַנד און דייטשלאַנד, אָבער דאָך געוואַקסען. אין דייטשלאַנד, צום ביישפּיעל, האָ־בען דיא קריסטליכע טרייד־יוניאָנס אַליין צו־געוואונען נאָהענט פון 60 טויזענד מיטגליעדער, וועהרענד דיא לעצטע 13—14 חדשים. זאָ דאָס מען קען זיכער זאָגען, אַז דיא טרייד יוניאָנס אין דיזע דריי לענדער פערטרעטען אַן אַרמעע פון 5,350,00 אָרגאַניזירטע אַרבייטער.

נאָך דיא דריי וויכטיגסטע שטאַאַטען פון דער וועלט קומען, לויט דער גרויס פון זייערע טרייד־יוניאָן אַרמעען, פראַנקרייך, עסטרייך און איטאַליען. פאַר עסטרייך האָבען מיר צו דער האַנד דיא לעצטע ציפערן. היינריך בעער, פון וויען, שרייבענדיג אין דער „נייע־צייט" פון 4־טען אויגוסט דיזען יאָהר, מעלדעט דאָס ביי'ם ענדע פון 1905 האָבען זיך אין עסטרייך זיך גע־פונען 323,099 טרייד־יוניאָן מיטגליעדער, פון וועלכער צאָהל 28,402 זיינען פרויען. אין פער־גלייך מיט דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג איז דאָס אַפילו אַ קליינע צאָהל, אָבער ווען מען בע־טראַכט דאָס אין גאַנץ עסטרייך האָבען זיך ביי'ם ענדע פון לעצטען יאָהר ניט געפונען מעהר וויא 2,226,601 אינדוסטריעל־בעשעפטיגטע פער־זאָנען, איז דיא צאָהל ניט אַזוי קליין.

אין אַלגעמיין האָט דיא טרייד־יוניאָן בע־וועגונג אין דיזער נאָך ביז יעצט „אַגראַרישע מדינה" אָנגעהויבען פערשטאַרקערן זיך אין דיא לעצטע אָנדערטהאַלבען יאָהר, און צוואַר צוויי־שען אַלע נאַציאָנאַליטעטען, דייטשען אַזוי גוט וויא טשעכען, פּאָליאַקען אַזוי גוט וויא איטאַ־ליענער. וויען איז, פערשטעהט זיך, דער מיטעל־פּונקט פון דער עסטרייכישער טרייד־יוניאָן בע־וועגונג. דאָרט געפינען זיך כמעט אַ דריטעל פון אַלע טרייד־יוניאָניסטען אין לאַנד.

פאַר איטאַליען מוזען מיר זיך בענוצען מיט דיא ציפער פון אינטערנאַציאָנאַלען סעקרעטער, קאַרל לעגיען אין דעם רעפּאָרט פון 1904. דאָרט ווערט אָנגעגעבען 260,102 אַלס דיא צאָהל פון טרייד־יוניאָן מיטגליעדער. ווען מיר קומען אָבער צו פראַנקרייך, זיינען מיר גאָר אין דער פינס־טער. לויט דעם רעגיערונגס־רעפּאָרט פאַר 1904 האָבען זיך דאָרט דאָן געפונען 715,576 טרייד־יוניאָניסטען. אַ יאָהר שפּעטער ווערט אין דער־זעלבער קוועלע אָנגעגעבען 781,000 מיטגליע־דער. אָבער אַ גענאָסע פון פּאַריז, יאָזעף שטיי־נער, שרייבט אין דיא „נייע צייט" פון 30טען דעצעמבער, 1905, פאָלגענדעס: „דיא פראַנ־צויזישע געווערקשאַפטען וואָלטען זיך געקענט גראַטולירען, ווען זיי וואָלטען געהאַט כאָטש די העלפט פון 781,000 מיטגליעדער."

און דיזער גענאַסע בעווייזט מיט פאַקטען, וויא שטאַרק איבערטריבען עס זיינען אלע סטאַטיסטישע מעלדונגען וועגען דיא יוניאָנס אין פראַנקרייך. צוויי אורזאַכען זיינען דאָ, וואָס ערקלעהרען עס: ערשטענס, גיבען זיך דיא פראַנצויזישע יוניאָנס ניט אָפּ מיט פיהרען ריכטיגע סטאַטיסטיקע וועגען זייערע מיטגליעדער און פינאַנצען, וויא דאָס איז אויך דער פאַל מיט דיא פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, און, צווייטענס, איז פּאַריז דער איינציגער פּלאַץ, וואו דיא יוניאָנס גיבען איבער דירעקט זייערע רעפּאָרטס צו דער רעגיערונג, וועהרענד אין דיא פּראָווינצען גיבען זיך אָפּ מיט דיזער ארבייט דיא רעגיערונגס־פּרעזידענטען. און דיא אלגעמיינע בילד, וועלכע גענאָסע שטיינער גיט אונז פון דער טרייד־יוניאָן בעוועגונג אין פראַנקרייך איז אַ גאַנץ אַנדערע, איז פּונקט דער היפּך פון דעם וואָס מיר לעזען געוועהנליך. איין גרויסע אורזאַכע פון דער הינטערשטעליגקייט פון פראַנקרייך'ס טרייד־יוניאָנס איז דאָס, וואָס דיא אינדוסטריע האָט נאָך דאָרט פון זיך אין גאַנצען ניט אַרונטערגעוואָרפען דעם קליין־בירגערליכען כאַראַקטער.

פון דיא קלענערע לענדער אין אייראָפּא איז דענעמאַרק איינע פון דיא יעניגע וואו דער טרייד־יוניאָניזמוס איז פעסט איינגעוואָרצעלט. פאַר'ן יאָהר 1904 ווערן אין דיזען לאַנד אָנגעגעבען 89,788 טרייד־יוניאָן מיטגליעדער. זייט דאַן האָבען געווים געמוזט צוקומען נאָך עטליכע טויזענד, ווייל דאָרט וואַקסען דיא ארבייטער ארגאַניזאַציאָנען אויף אַ נאָרמאַלען אופן: זיי זיינען ניט אויפגעבלאָזען. דיא דענישע יוניאָנס זיינען געוויסערמאַסען אַ מוסטער פאַר אנדערע לענדער. זיי ענטהאַלטען ביי דריי פערטיל פון אלע מענליכע און איין פינפטעל פון אלע פרויען אינדוסטריעלע ארבייטער, וואָס דאָס קען קיין אנדער לאַנד ניט בעווייזען. אלעס ווערט געפיהרט מיט דער בעסטער סיסטעם און מיט דער שעהנסטער דיסציפּלין. איינע פון דיא שוועריגקייטען וואָס דיא יוניאָנס האָבען דאָרט אין דער לעצטער צייט, איז דיא פערהעלטניסמעסיג גרויסע צאָהל ארבייטס־לאָזע. אָבער אויף דעם האָבען אין דער לעצטער צייט געהאַט פיעל צו קלאָגען אַנדערע לענדער אויך, וויא ענגלאַנד און נאָרוועגיען.

דיא אנדערע קלענערע לענדער פון אייראָפּא האָבען אין 1904 געהאַט דיא פאָלגענדע צאָהל טרייד־יוניאָניסטען:

שוועדען	104,999
שפּאַניען	56,900
אונגארן	53,169.
שווייצערלאַנד . . .	41,862.
האָללאַנד	37,221
נאָרוועגען	16,227
סערביען	2932
בולגאַריען	1,672

* * *

אין אלגעמיין, ווען מען גיט אַ טראַכט וועגען דעם צושטאַנד פון דער טרייד יוניאָן בעוועגונג אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, ווען מען רעכענט צוזאַמען אויף אַזוי וויט וויא עס איז מעגליך דיא צאָהל פון מיטגליעדער און דיא סוממען געלדער, וועלכע געהן דורך דיא הענד פון דיא יוניאָן בעאַמטע, דאַן מוז מען קומען צום שלוסס, אַז דער קאַפּיטאַליזמוס האָט ארויסגעבראַכט און ענטוויקעלט אַ געוואַלדיגען ריעז. ניט אומזיסט האָט אונזער מאַרקס, געזאָגט נאָך מיט צענדליגער יאָהרען צוריק, דאָס דער קאַפּיטאַליזמוס גראָבט פאַר זיך אליין אַ קבר און ענטוויקעלט זיין אייגענעם קברות־מאַן.

ווען דיא ארבייטער אָרגאַניזאַציאָנען וואָלטען געווען לאָקאַלע בעוועגונגען וואָלט מען פיעלייכט־אַזוי פיעל ניט געקענט זאָגען וועגען זייער מאַכט. אָבער דער פאַקט איז, דאָס מיט יעדען טאָג ווערן דיא טרייד־יוניאָנס אלץ שטאַרקער צוזאַמענגעבונדען, אלץ מעהר צוזאַמענגעשלאָסען, אלץ ענגער צוזאַמענגעקניפּט. ניט נור געהט אָן דיזע קאָנצענטראַציאָן פון קרעפטען אויף אַ נאַציאָנאַלען באַזיס, זאָנדערן אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלען. אלץ אָפטער קומען פאָר אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצען און קאָנגרעסען פון יוניאָנס און אלץ שאַרפער צייגט זיך ארויס דער קלאַסען־כאַראַקטער פון דער ארבייטער־בעוועגונג.

ניט איבעראַל, נאַטירליך, איז דיא סאָלידאַריטעט פון דיא יוניאָן־ארבייטער אויף אַ גלייכען מאַסשטאַב. ניט אין יעדען לאַנד הערשט דיא האַרמאָניע, דיא איינינגקייט, וואָס איז אַ לעבענס וויכטיגקייט פאַר דער ארבייטער קלאַסע. אין מעהר וויא איין לאַנד זיינען דאָ אָפּאָזיציאָנס יוניאָנס, אָבוואָהל אין אייראָפּא זיינען עס דיא געגנער פון דער ארבייטער בעוועגונג, וועלכע זוכען צו צערשפּליטערן דיא יוניאָנס, וועהרענד אין אַמעריקאַ איז עס פּונקט פערקעהרט, וויא מיר וועלען זעהן שפּעטער. דער פאַקט בלייבט אָבער אונבעשטרייטבאַר, דאָס דיא טרייד יוניאָן בעוועגונג, פון אלע לענדער צוזאַמענגענומען, ענטוויקעלט אלץ מעהר און מעהר איהר קלאַסען־כאַראַקטער, איהר קלאַסען־איינינגקייט, איהר קלאַסען בעוואוסטזיין, און ווערט אלץ און מעהר דיא מאַכט וואָס גראָבט אונטער דעם פונדאַמענט פון דער רויבערישער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם.

דיא אמעריקאן פעדערײשאָן אָוו לײבאר, פון דיא יונײטעד סטײטס; דיא דזשענעראל פעדערײשאָן אָוו טרײד יוניאָנס, פון ענגלאנד; דיא גענעראל־געווערקשאַפטען קאָמיסיאָן, פון דײטשלאנד; דיא קאָנפעדערסיאָן דע טראַוויל, פון פראַנקרײך; דיא געווערקשאַפטען קאָמיסיאָן פון עסטרײך; דער צענטראל־פערבאַנד פון דיא געווערקשאַפטען, פון דענעמאַרק; דיא געווערקשאַפטען פעדעראַציאָן, פון האָללאַנד; דיא קאָמיסיאָן סינדיקייט, פון בעלגיען; דיזע און עהנליכע צו דיזע אין אנדערע לענדער, זיינען דיא מיטעל פונקטען ארום וועלכע דיא ארגאַניזירטע אַרבייטער גרופּירען זיך; און אלע דיזען צוזאַמען וועלען אָהן צווייפעל אין גיכען זיין פעראײניגט דורך אַ מעכטיגען אינטערנאַציאָנאַלען פערבאַנד, פאַר וועלכען אן אָנפאַנג איז שוין געמאַכט געוואָרען.

עס איז אָבער ניט דאָס אליין, וואָס דיא יוניאָנס האָבען מיליאָנען מיטגליעדער און האָבען צעהנדליגע מיליאָנען דאָלער אין זייערע קאַסען וואָס מאַכט זיי פאר וויכטיג, וואָס מאַכט זייער יעצטיגען צושטאַנד פאר צופריעדענשטעלענד. ניין! דיא יוניאָנס אין אלע לענדער צייגען ארויס א קאַמפּס־פעהיגקייט, א לעבענס דויערהאַפטקייט, וואָס איז צו בעוואונדערן. טראָטץ דיא פעראײניגטע אָנשטרענגונגען וואָס עס מאַכען יעצט דיא ארבייטס־געבער אין אלע לענדער צו ברעכען סטרייקס, טראָטץ דיא גרויסע אָפּפערווילליגקייט וואָס יוניאָן אָרגאַניזירטע אַרבייטער האָבען אויסצושטעהען אין יעדען גרויסען קאַמפּף, געלינגט עס דאָך דיא יוניאָנס צו קריגען בעסערען לוין, וועניגער ארבייטס־שטונדען, און בעסערע בעהאַנדלונג פון דיא אונטערנעהמער; און ווען דאָס וואָלט ניט געווען דער פאַל וואָלטען דיא טרייד יוניאָנס ניט געוואַקסען און די טרייד יוניאָן בעוועגונג וואָלט ניט געוואָרען אלץ א גרעסערע שרעק פאר דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַסע.

דאָך, וויא יעדער ווייס, איז ניט אין אלע לענדער דער כאַראַקטער פון דיא טרייד־יוניאָנס דערזעלבער; ניט איבעראל געברויכען דיא טרייד־יוניאָנס דיזעלבע וואַפען; ניט אין יעדער מדינה האָבען זיי איין פּנים. זיי אונטערשיידען זיך איינע פון דיא אנדערע אין געוויסע גאַנץ שטאַרקע כאַראַקטעריסטיקען. וואָס זיינען דיזע כאַראַקטעריסטיקען? וואָס זיינען דיא אורזאַכען פון דיזער פערשיעדענהייט?

אָבער וועגען דעם אין נעכסטען אַרטיקעל.

געדיכטע פון פעטער יאקובאוויטש.

פון תפיסה.

דער וואלד וועלקט, און טרויעריג שיט זיך
א גאנצער ים בלעטער מיט שום;
ס'דערפרעהט ניט קיין שפּעטיגע שמחה:
א דופטיגער העל ־ בלויער בלום
האָט ארויסגעקוקט... שיינענדיג
ווינקט זיס זיין אויגעל און לאכט;
דער שטערבענדער ריעז קוקט איהם אָנ'עט
געהילט אין א טרויער, פערטראכט.
ס'דערפרעהט ניט קיין שפּעטיגע שמחה,
עס וועקט נור א פאָרוואורף גאנץ טיעף,
פערפלויגען דיא יאָהרען דיא בעסטע —
און ס'עפּענט דיא תפיסה זיך אויף.
און העל אויף דיא וועגד אויף דיא שווארצע,
א גאָלדענער שטראָם זיך צוגיסט,
א אויפלעבונג ווארעמער ווינטעל
דערקוויקט דאָרטען אלץ און דערפרישט.
וואָס געהט אָבער אָן דעם בעפרייטען
דיא שמעקענדע בלומען און פארבען?
פערווארפען דיא קייטען, צו קאָן ער
דעם יאָך פון דיא יאָהרען פערווארפען?
דיא האָר זיינע גרויע בעהאלטען,
דיא כחות אומקערען צוריק?
געשטאָרבען דיא מוטהיגע חברים,
און יוגענד, און ליעבע, און גליק!

י. י. שווארץ.

די מוטער.

מיר האָט זיך געחלום'ט — ווייט־ווייט אין דער פרעמד,
מיין מוטער, מיין טרייע פערוויינט און צוקלעמט.
„— אָ, זאָג, מיין געטרייער און טהייערער קינד,
צו וועל איך נאָך ווען דיר ערוווארטען אהיים?
זעה: ס'זיינען די אויגען פון טרעהרען שוין בלינד,
און ווייס איז דיא האָר פון מיין קאָפּ פונקט ווי שנעע,
עס דאכט זיך מיר אלץ אויפן וואָר און אין טרוים
אין ווייט־פרעמדע לאנד דיינע טרעהרען און וועה...
. . . .
עס שטעהט דיין געשטאלט אלץ מיר פאָר פאר די אויגען...
איך קען זיך, קינד, רוהיג אין קבר ניט לייגען;"
— אָ, מאמינקע ליעבע! כ'וואָלט טרייסטען דיר וועלען
און פליהען צו דיר ווען איך וואָלט נור געקאָנט!
אָ, גלויב, ווען כ'וואָלט גאנצע דריי לעבענס פערמאָגט
וואָלט איך זיי מיט שמחה פאר דיר, אָ, צוטהיילען.
נאָר טאָר איך מיין זעלע פערקויפען? אָ, זאָג:
צו וואָלסטו מיר דענסטמאָל אלס זון אנערקענט?
און ס'האָבען זיך טרעהרען געגאָסען פון ד'אויגען,
און טיעף האָט זיא טרויריג איהר קאָפּ איינגעבויגען.

י. י. שווארץ.

אויף דיא בערג.

פראלאג:

פון יעקב גארדין.

צוויי בערג־גייסטער:

רוח הטבע, א יונגער גייסט, באַ־דעקט מיט פלאַנצונגען און בלומען.

נגד האדם, א זעהר אלטער, זעהר הויכער גייסט, באַדעקט מיט שאפען־פעל. א לאַנגע גראַיע באָרד. האַלט אין דער האַנד אַ גראָבען אייזערנעם שטעקען; ווען ער גיט מיט'ן שטעקען אַ קלאַפּ אָן דיא בערג, הערט מען טיעף דעם קלאַנג פון מעטאַל.

אונגעזעהענע קעטסקיל־גנאָמען.

דאָס עכאָ.

(א גאַנצע רייהע בערג. אויף דעם העכסטען פון זיי זעהט מען שניי. עס איז דונקעל. וואָלקענס געהן איבער דיא בערג. א שטארקער ווינד בלאָזט און יאמערט. מען הערט דעם גערויש פון פאלענדע וואַ־סער. ווייט קלינגט דער שאל פון נגד־האדם'ס שטע־קען. לאנגזאם פאנגט אָן טאָג צו ווערען. דער ווינד ווערט שטיל און דער גערויש פון דיא וואסערן ווערט שטארקער. דער הימעל ווערט ביסלעכווייז רויט פון דער זונן).

כאָר פון ד'יא קעטסקיל־

גנאמען: געהילט אין שווארצען פאָרהאַנג
פון דער שטילער נאכט,
געשלאָפען האָבען רוהיג
דיא הויכע שטאָלצע בערג.

דאָס עכאָ: (הילכיג און ווייט). הא, הא! הא! דיא בערג! . . .

גנאמען: דעם געהיימניספאָלען פאָרהאַנג
הויבט יעצט אויף דיא זון,
די שטילע נאכט פערשווינדעט
ליכט פערפלייצט דיא בערג.

דאָס עכאָ: האַי, האַ! האַ! דיא בערג!

גנאמען: אנשטאָט די שווערע וואָלקענס
שטיפט יעצט דער זעפיר ...
אַנשטאַט דעם שטילען שווייגען
הילכען יעצט דיא בערג.

דאָס עכאָ: האַי, האַ! האַ! דיא בערג!

גנאמען: אַנשטאַט די שווארצע מאַסע,
ערשיינט דער גרינער וואַלד,
דיא טייכ'לעך און די קוואַלען
רוישען אין דיא בערג.

עכאָ: (לאנגזאם) האַ! האַ! האַ! האַ! דיא בערג! (דיא שטימען שטארבען אָב. ווייט הערט זיך דאָס קלינגען פון נגד־האדם'ס מעטאלע־נע שטענגע. אלעס ווערט שטיל. דיא זון געהט אויף).

רוח הטבע. (ערשיינט. ער בליקט אראַב צו דיא טהאָלען און דאן ארויף צו דיא הימלען). איך בעגריסע דיך, דו מעכטיגע זון! דו גרויסער אויפבויער און שעפּפער, דו וואונ־דערבאַרער קוואַל פון לעבען, ענערגי און טהעֿ־טיגקייט! אונבעגרענעצטער הערשער פון דער מוטער ערד, דו ביזט איהר שאַפּענדער גייסט, איהר לעבענסגעבער! פאטער, איך בעגריסע דיך און בעוואונדער דיין געטליכע מאכט. קוים האסט דו זיך געצייגט אין דיא בלויע הימלען, איז שוין דיא טויטע שטילהייט פערשוואונדען פון דיא בערג. בוימער און גראָזען, מענשען און טהירען — אַלעס האָט ערוואַכט צום לעבען. הילכיגע שטימען שאַללען דאָרט אין דיא טהאַ־לען און דאָס וואַסער פאַלט פון דיא פעלזען מיט אַ פרעהליכען גערויש. העי! זיי בעגריסט, דו מעכטיגע, לעבענסשאַפענדע זון! (שטרעקט אוים זיינע הענד מיט א געפיהל פון פערגעטערונג.

פויזע). וואו איז דאָס מיין ברודער, דער אַלטער גייסט פון דיא בערג, וועלכער ליעבט נאָר דיא שלעפעריגע שטילהייט און דיא אונבעוועגליכע רוהע? האַי, האַ! ברודער נגד האדם, אדון ההרים, וואו ביזט דו? ערשיין! (עס הערט זיך דאָס קלינגען פון מעטאל, א ברויזענדע שטימע, נגד האדם ערשיינט אין א וואָלקען, וועלכער ציהט פאָראיבער).

ר ו ח ה ט ב ע: פריעדען צו דיר, ברודער, אין דיין פריעדליכען רייך. (נגד האדם קלאַפּט צאָרניג מיט זיין אייזערנע שטענגע) וואָס גיבט עס נייעס אין דיא בערג? וואָס מאַכט דיך ביין אַזוי פריה אין דעם מאָרגען, ווען אונזער פאָטער אין הימעל שיקט אונז זיינע ערשטע ליכטיגע שטראַהלען?

נ ג ד ה א ד ם: האַ! טויזענד דונערן! ניטאָ קיין פריעדען אין מיין רייך. שוואַכע ברואים טרייבען דיא רוהע פון מיינע בערג. ברודער, שלעכטע צייטען קומען. מיט יעדען טאָג ווערט דאָ ערגער און ערגער. איך האָב מיך יעצט געטראָגען אויף א וואָלקען פון איין באַרג צום אַנדערן און וואָהין מיין בליק איז געפאַלען האָב איך בעגעגענט נור ערגערניש און קרענקונג. גאָרנישט צו ערפרעהען דאָס אויג און צו טרויסטען דאָס האַרץ.

ר ו ח ה ט ב ע: איך פערשטעה ניט, וואָס האָט דיך געקענט אַזוי ערגערן און קרענקען. (אַפּאַרט) דיא אַלטע גייסטער זיינען שטענדיג אונצופריעדען.

נ ג ד ה א ד ם: טויזענד דוננערן און בליצען אויף זייערע קעפּ! דיא קליינע אונווירדיגע מענשען, זיי שטערן מיין רוהע און רייצען מיין צאָרן. איך בין געדולדיג מיט זיי, פערפאָלג זיי ניט און בעשטראָף זיי זעהר זעלטען. מאַנכעס מאָהל מאַך איך נאָר אַביסעל שפּאָס מיט זיי. זיי אַבער ווערען מיט יעדען זומער פרעכער און אונערטרעגליכער. פריהער האָבען דאָ געוואָינט ווילדע מענשען, וועלכע האָבען זיך ווייניג אָבגעזאָנדערט פון מיינע בערג-טהיערען און איך בין ביי זיי געוועזן פערגעטערט און געאַכטעט. זיינען געקומען נאָכדעם אַנדערע, ווייסע מענשען, איך קען ניט לייקענען, זיי זיינען געוועזן מעהר אָדער ווייניגער קרעפטיגע בעשעפענישען, מיט שטאַרקע מוסקולען, פלייסיגקייט און אַ גרויסע ארבייטס-פעהיגקייט. זיי האָבען ניט געוואָגט צו שטערן מיין רוהע און טהאָן אירגענד וואָס מיר דאַגעגען. זיי האָבען גערייניגט דיא שטיינער פון מיינע פעלדער, מיינע ווילדע טהאַלען האָבען זיי בעדעקט מיט גרינע גראָז. דיך, רוח הטבע, האָבען זיי געאַכטעט און געליעבט. זיי האָבען בעגריפען דיין שאַפענדע מאַכט און בעוואונדערט דיין שעהנהייט און פּראַכט. אָבוואָהל זיי האָבען מיך ניט פערגעטערט, האָבען זיי דאָך געגלויבט אין מיר און האָבען רעספּעקטירט דיא געהיימניסע פון מיינע בערג. מיין ווילען איז געוועזן ביי זיי הייליג. דיא וואַרהייט געזאָגט, איך האָב זיך ענדליך צוגעוואָינט צו זיי און זיי אָנגעהויבען... ע, איך קען ניט זאָגען צו ליעבען... וויא קען מען ליעבען וואָס מען אַכטעט ניט? און וויא קען מען אַכטען דאָס שוואַכע מענשליכע געשלעכט? איך האָב זיי אָנגעפאַנגען צו דולדען... איך האָב אויסגעאיבט מיין איינפלוס אויף זיי און האָב זיי, מעהר אָדער ווייניגער, געמאַכט פיר בערג מענשען, — זיי האָבען געשטימט מיט דער נאַטור פון מיינע בערג, זיי זיינען געוועזן שטיל אין זייער בענעהמען זיך, לאַנגזאַם און רוהיג אין זייערע בעוועגונגען.

ר ו ח ה ט ב ע: איז דען יעצט דיין מאַכט ניט גענוג שטאַרק? שטערט דיר דען וואָס, דיין איינפלוס אויסצואיבען אויך יעצט?

נ ג ד ה א ד ם: מיין מאַכט! הע! ביסלעכווייז, אונבעמערקטערהייד האָבען זיי אונטערגעגראָבען מיין גרויסע מאַכט.

ר ו ח ה ט ב ע: דאָסזעלבע טהוט דיא צייט מיט יעדע גרויסע מאַכט . . .

נ ג ד ה א ד ם: אייזערנע וועגען האָבען זיי דורכגעפיהרט אויף מיינע הויכע בערג, טונעלען האָבען זיי געבויט אין מיין אונטעראירדישער וועלט. מיינע שטאַרקע שטיינער און פעלזען האָבען זיי געריסען אויף שטיקער. זיי האָבען צושטערט מיין רוהע מיט דעם פייפען פון זייערע מאַשינען און מיט דעם קלינגען פון זייערע גלעקער. איך האָב געשוויגען און געדולדעט...

ר ו ח ה ט ב ע: אַ ברירה האָסט דו געהאַט.

נ ג ד ה א ד ם: אה, דיזע מאַשינען און דיזע גלאָקען! זיי מאַכען מיר דאָס לעבען אונמעגליך... (פערטראַכט זיך) נאָכדעם האָבען זיי אָנגעהויבען אַריבערצוברייננגען אַהער נייע מענשלעך, וועלכע צושפּרייטען זיך איבער מיינע בערג און פערכאַפּען אַלע מיינע אייגענטהי־

מער. נייע, שוואכע, קליינע, נערוועזע, אונרוהי־גע, שרייענדע ברואים דרינגען ארויס און צו־טרייבען מיינע אַלטע, רוהיגע, שטאַרקע שכנים, צו וועלכע איך בין שוין צוגעוואוינט. אַנשטאָט מיינע בערג־מענשען קומען אהער בני אדם'לעך, וועלכע האָבען ניט קיין גלויבען אין מיר און קיין רעספּעקט צו דיא געהיימניסע פון מיינע בערג. ברואים, וועלכע וועלען קיין מאָל ניט שטימען מיט דער נאַטור אַרום זיי, וועלכע ווייס־סען פון קיין רוהע, וועלכע האָבען קיין ליעבע צו דיר, רוח הטבע, און קיינע געפיהלען פון אַכטונג צו דיינע שעהנהייטען. זיי צוגראָבען מיינע בערג, האַקען אויס מיינע וועלדער, באַ־דעקען מיט מיסט מיינע טהאָלען. דאָרטען, וואו עס זיינען אומגעלאָפען נאָבלע פרייע טהיערען, פאַהרען יעצט אַרום אָרעמע פערד־לעך, דאָרט וואו אַלטע טענענבוימער האָבען געוואַקסען, שטעהן יעצט שפּייז־הייזער און קראָמען. טויזענד דונערן אויף זייערע קעפּ! (קלאַפּט צאָרניג מיט זיין שטענגע).

ר ו ח ה ט ב ע: אמת, עס קען זיין, דיזע מענשען וועלען פערניכטען דעם גלויבען אין דיר. דו קענסט דיך אָבער טרייסטען דער־מיט וואָס זיי זיינען קינדער פון אַ פאָלק וואָס האָט שטענדיג בעקעמפפט געטער און גייס־טער. ישראלים רופט מען זיי — גייסטער־קעמפּפער איז זייער נאָמען... זיי קענען טאַקע יעצט ניט שעצען און אַנערקענען דיא גרויס־קייט און שעהנהייט פון דער נאַטור. זיי זיינען יעצט קראַנקע מענשען מיט פערוואונדעטע הערצער, אָבגעשוואַכטע קערפּערס און קראַנקע זעעלען... אָבער אונבעוואוסטערהייד הויבען זיי יעצט אָן אומצוקעהרען זיך צוריק צו דער מו־טער נאַטור. זיי געוואוינען זיך ביסלעכווייז צו, זיא ווידער צו קענען און צו ליעבען. לאָז זיי, ברודער, געניסען פון דער מוטער־נאַטורס רייי־כע קוואַלען. זאָל זיי די זונן געבען איהר ענער־גיע, זאָלען זיי דיינע בערג שיינקען זייער שטאַר־קענדען באַלזאַם. דיא בעריהרונג מיט דער נאַ־טור, דיא נאָהענטע פריינדשאַפט מיט איהר וועט זיי מאַכען געזונד און וועט זיי לערנען צו פערשטעהען דיא ריכטיגע, געזונטע שעהנהייט. זיי זיינען קראַנק יעצט, און אַלס קראַנקע פער־דיענען זיי אונזער מיטלייד און פערגעבונג. זיי זיינען אויסגעמאַטערט, מיעד און שוואַך. אויף אונזער מוטער שויס וועלען זיי זיך אויסרוהען און בעקומען נייע קרעפטע... אזוי וויא דו האָסט זיך צוגעוואוינט צו דיא פריהערדיגע שכנים, וועסט דו זיך אויך צוגעוואוינען צו זיי. זיי זיי־נען נאָר אַנטיפּאַטיש איידער מען קוקט זיך צו זיי גוט צו און איידער מען געוואוינט זיך מיט זיי איין... גיב זיי, ברודער, דיא ערהאָלונג, וועלכע זיי דאַרפען אזוי נויטיג.

נ ג ד ה א ד ם: יאָ, טויזענד דונערן! איך האָב לאַנג ווירקליך געגלויבט, אַז דאָס קו־מען אהער צו מיר אין דיא בערג קראַנקע מענ־שען מיט שוואכע ברוסטען און קראַנקע לונ־גען, צו זוכען דאָ ביי מיר דיא ערהאָלונג — אָבער מיט יעדען טאָג ווערט גרעסער דאָ אין דיא בערג דער געפּילדער און דיא ווילדע גע־שרייען. מיט יעדען טאָג ווערט דיא עוויגע רו־היגקייט פון מיינע בערג צושטערט און פער־שטויסען. מיט יעדע נאַכט מעהרען זיך דיא פייערלעך, וועלכע גלימערן שפּעט אין זייערע פענסטער און שטערן מיין שלאָף אין דיא דונ־קעלע וואָלקענס. אמאָהל פלעגט ביי נאַכט אין דיא בערג זעהר זעלטען וואו אַ בליץ טהאָן אַ פייערל, יעצט זיינען דיא בערג פערגאָסען און פערפלייצט מיט ליכט ביז שפּעט אין דער נאַכט. דאָס מאַכט מיך בייז און אונרוהיג. טוי־זענד דונערן! און ווען איך קוק אריין מיט צאָרן אין זייערע וואָהנונגען צו זעהן, וואָס וואָגען זיי צו טהאָן, דיא דאָזיגע אונרוהיגע מילבען, נאָכדעם ווען דער גייסט פון דיא בערג האָט שוין געזאָגט צו דיא טהאָלען „גוטע נאַכט“, — וואָס מיינסט דוא, טהוען זיי? זיי פערריכטען זייער געוועהר צו געהן אויף דער יאַגד? זיי וועב־בען נייע נעצען צו פאַנגען פיש? זיי קוקען אריין אין זייערע געבעט ביכער און זינגען פסאַלמען? ניין! זיי שפּיעלען מיט אַ ווילדע גייציגקייט אין קאָרטען, שווענדען זייערע מיט־לען און זייער געזונד וויא וואָהנזיניגע, בעלעס־טיגען זייערע מאַגענס מיט פעטע און רייצענ־דע מאכלים, זויפען פערשיעדענע געטרענקע אום זיך אויפצורעגען, טאַנצען אונאַנשטענדיגע טענץ אום צו וועקען אין זיך די ליידענשאַפט און זינגען מיאוסע ליעדער, וועלכע ריידען צו דיא נידריגע אינסטינקטען... זייער געשפּרעך איז אַ ווילדער געשריי, זייער געלעכטער איז אַ ליאַרעם פון משוגעים, זייערע אונטערהאַלטונגען — אַ געפּילדער פון וואָהנזיניגע. ניין! ניט צו ער־האָלען זיך קומען זיי אהער, נאָר צו ווערען

מעהר אויסגעלאסען און פערדארבען, צו זינדיגען דא פריי, וועהרענד אין שטאדט זיינען זיי געבונדען... זיי פערפעסטען מיר מיינע בערג! טויזענד דונערן און בליצען! איך פערליער מיין געדולד, און וויא איך וועל מיך נאר גוט אויסרוהען, וועל איך אנהויבען צו דענקען, וואס געגען זיי צו אונטערנעהמען . . .

ר ו ח ה ט ב ע : (שטיל) ביז ער וועט ארויס פון זיין שלעפעריגען צושטאנד, וועלען זיי אין גאנצען פערכאפען דיא בערג, און ער אליין וועט דא אויך קיין פלאץ געפינען... הם! ער וועט אנהויבען צו דענקען!... גייסטער זאלען קענען דיינקען, וואלטען זיי געוועזן מענשען...

נ ג ד ה א ד ם : ראכע דארף מען נעהמען פון זיי!

ר ו ח ה ט ב ע : עס איז וואהר, פיעלע פון זיי פיהרען דא אן אונזיניגעם לעבען, אבער, פערשטעהסט, דיא וואס זיינען לאנג געוועזן געשמידט אין קייטען, מוזען ווערען ווילד פון דער פרייהייט... אזוי וויא אפפען אהמען זיי יעצט נאך יעדען און ווילען מיט א פאלש געמאכטע געגענווארט אויסמעקען זייער ביטערע פערגאנגענהייט. אבער מיט דער צייט וועט דיזער אויסברוך פון ווילדע געפיהלע זיך איינשטילען, דיא נארישע שטרעבונג צום גלאנץ און אייטעלקייט וועלען פאריבערגעהן און זיי וועלען ווערען רוהיגע, געזונטע און געלאסענע מענשן. דיינע רוהיגע בערג קענען אויך זיי בערוהיגען, איינשטילען. עס איז וואהר, זיי וועלען פערניכטען דעם אלטען גייסט פון דיא בערג, זיי וועלען אבער בריינגען אהער דעם פארשענדען גייסט, דעם גייסט פון אונטערנעהמונג און טהעטיגקייט.

נ ג ד ה א ד ם : זיי וועלען פערניכטען דעם אלטען גייסט פון דיא בערג און איך זאל קוקען און שווייגען? מיט פרעכהייט דעקען זיי אויף דיא געהיימניסע פון מיינע בערג און איך זאל זיי ניט בעשטראפען? זיי האבען פערטריבען דיא שטילע רוהיגקייט פון מיינע בערג מיט שרייענדער לוסט און פרעכע פערדארבענהייט און איך זאל זיי ניט פערפאלגען? ניין! וואו איך וועל נאר קענען, וועל איך נעהמען ראכע פון זיי, פון זייערע פיה און רינדער, פון זייערע פלאנצונגען און וואהנונגען! וועמען פון זיי איך וועל נאר קענען, וועל איך פערפיהרען אין דיא בערג, פערווירען אין דיא וועלדער, צודריקען צווישען מיינע פעלזען, הערא‌בשטויסען אין דיא טיעפע אבגרונדען, דערטרינקען אין מיינע וואסער־פאלען, פערשרעקען דורך מיינע נעבלען און וואלקענס! ראכע וועל איך נעהמען פון דיא, וועלכע צושטערען מיין אלטען היים, פערלייקענען מיין עקזיסטענץ, שוואכען אב מיין קראפט און ווידערשפרעכען מיין נאטור! געפיהלע פון אונרוהע און שרעק וועלען אויף זיי אנוועהען מיינע הויכע פעלזען, א געפיהל פון א מעלאנכאלישע בענקעניש וועלען אין זיי איינפלאנצען מיינע גרויסע בערג. דער שטארקענדער באלזאם פון מיינע טהאלען וועט אין זיי וועקען א ווילדע אונבעפריעדיגענדע ליידענשאפט. דיא שווארצע שאטענס פון מיינע וואלקענס וועלען גרייכען ביז זייערע הערצער און וועלען פערדונקלען זייער אוננאטירליכע פרייד און ווילדען פערגעניגען. טויזענד דונערן און בליצען! האי! הא! הא! (ער קלאפט מיט זיין אייזערנעם שטעקען. א וואלקען פאנגט זיי ביידע אן איינצוּוויקלען).

ר ו ח ה ט ב ע : ברודער, עס וועט דיר ווייניג העלפען... זיי צוריק האלטען איז נאך קיינעם ניט געלונגען. גרעסערע און מעכטיגערע גייסטער פון דיר האבען זיי בעקעמפפט און נידערגעשטירצט. אלטע גייסטער קענען נאר בייזערן זיך און שרעקען. אומקעהרען צוריק דאס אלטע האבען זיי קיין מאכט ניט... אדון ההרים! עס איז געשעהן: דער עוויגער וואנדערער איז געקומען אין די בערג!... האי! הא! הא!

נ ג ד ה א ד ם : אין דיא בערג? ! הא! הא! (מיט צארן) הא! הא!

ר ו ח ה ט ב ע : דיא בערג! (שרייט מיט פרייד) האי! הא!

(ביידע צוזאמען)

ד א ס ע כ א : דיא בערג! הא! הא! הא! הא! (דאס עכא הילכט לאנג אין דיא בערג).

(נגד האדם קלאפט מיט זיין אייזערנע שטענגע, ביידע ווערען ארומגעוויקעלט פון דיא וואלקענס).

(וויט אין דיא בערג הערט זיך דאס געזאנג פון דיא גענאסען:)

אנשטאט דיא שווערע וואלקענס
שטיפט יעצט דער זעפיר —
אנשטאט דעם שטילען שווייגען
הילכט יעצט אין דיא בערג!

(וויט הערט זיך א פייף פון א לאקאמאטיוו און דער גלאק פון איין אייזענבאהן צוג. אין דעם אויגענבליק פערשווינדעט אלעס דאס געזאנג פון דיא גענאסען ווערט איבערגעריסען.)

פארהאנג.

א טויטעס לעבען.

וועןאין דיין אויג פערטריקענט איז דער לעצטער טרעהר,
און האָסט קיין כח ניט, קיין לוסט צו וויינען מעהר —
וועןאויסגעשאָלטען שוין איהר לעצטע קללה האָט
דיין צונג, און קלעפּט דיר צו דיין גומען פלוך - באנקראָט —

וועןאויף דעם זעלבען בית - הקברות, וואָס פארדעקט
דיין ליעבע, ליגט שוין אויך דיין האסס, דיין האסס וואָס פלעגט
וויא גיפטיג קוועקזילבער פולסירען דורך דיין בלוט,
און במקום - ליעבע פּיללען דיך מיט כלומר'שט - מוטה —

וועןדאָרט וואו דיין אמונה האָט אמאָל געבליהט
און ליגט פארוועלקט א צונד, ליגט אויך דער צווייפעל, מיעד
און אָבגעשלאפט, און דריקט דיא בלאָע ליפּפּען צו,
און גריבעלט ניט און פרעגט ניט מעהר און זוכט בלויז רוה —

וועןרעכט באגייסטערט ניט דיין וואָרט צי דיין געדאנק,
און אמת איז פאר דיר א גלייכגילטיגער קלאַנג,
וועןאונרעכט רייצט ניט מעהר קיין צאָרען אין דיין ברוסט,
און אלסדינג נעהמסטו מיט: „אזוי האָט זיין געמוסט" —

— וואָס בלייבט דיר נאָך, דו קיינעמ'ס שונא, קיינעמ'ס פריינד?
קיין מאָרגען האָסטו ניט און טויט שוין איז דיין היינט —
— וואָס ציהט דיך צו דעם „זיין", וויא ס'ציהט דיא פלאמם צום קנויט?
— וואָס קייט דיך צו א לעבען טויטער וויא דער טויט?

יהואָש.

דענוועה, קאָלאָ.

ארוים פון גלות.

(ארזארעט)

פון פער האלסטראם.

איבערזעצט פון מאיר בלינקין.

(שלום)

מנחם האט גערעדט: „וויא א פלאמענדיגער פייער צווישען דיא בלויע וועגט אין קאלך־אויבען, אזוי וועט זיך פאר אייך אייער לאנד מאלען און דיא שטראהלען פון זונען־אונ־טערגאנג.

איך האב דאס לאנד געזעהען. איך האב געזעהען דיא פרייד פון דיא מלאכים און זייערע שטראהלענדע בליקען! ווער עס וויל זיין דארטען דער ערשטער, דער דארף פיהלען, דיא קיהלקייט, וואס זייערע קליידער וועהען אן, וויא זיי שארען אראב שטויב פון זייערע אנגעבויגענע קעפ... ווער וויל דאס, ווער פארלאנגט דאס, ווער דורשט נאך דעם?... זייער לאנד איז פון גרוים דורשט פאראומערט געווארען! ווען מען זאל זיך צו־בויגען און נעמען א זאמדעלע אין האנד, וועט פון דעם פליעסען בלוט.. נור אצינד וועט זיא זיך גיעסען העלע, יונגע, דופטענדע וויא א בלום.

ווער פון זיי וויל דער ערשטער אהין צו־שווימען, — און איין נאכט געניעסען פאלקאָ־מע רוה? ווער וויל עס, ווער וויל עס, ווער וויל עס?!... און זייערע זינד, זייערע שווערע זינד?

און גאנג צוזאמען מיט מיר, אויף די פיס! אין דיא פינסטערע שפאלטען זאלען זיך פאר־שלאגען דיא זינד, אין שמאטעס זאלען זיי צו־ריסען און צומאהלען ווערען, דערטרינקען ווערען אין זומפ און פאר ווארגען ווערען מיט טרערען! אוועק פון זיי! פארווערטס, שנעלער פאר־ווערטס! עס קומט אן זייער טאג, זייער ערשטער טאג! ליכטיג וועט ער זיין, זיי וועלען אזש שכור ווערען פון ליכטיגקייט. זיי ערווארט פרייד, ברידערליכע אומארמונג און ברידערליכע בעגע־ניש. זיי וועלען הערען קולות, וואס ווערען אנ־שוויעגען ווערען פון צופיעל געפיהל, זעהען אויג־גען, וועלכע וועלען שיינען, שיינען, שיינען!...

צווישען דיא ערשטע רייהען האט עמיצער עפעס אויפגעהויבען אין דער הויך וויא א פאהן. קיינער האט ניט געוואוסט וואו עס האט זיך גע־נומען. צו דעם האט מען צוגעבונדען א גלעקיל; און אט דיא פאהן האט זיך פאנאנדער געוויקעלט און געפלאטערט איבער דיא קעפ פון דער גאנצער מחנה, גלייך עפיס א זינגענדיגע, פליגעלדיגע בעשעפעניש.

און מנחם האט גערעדט פון ארזארעט, דאס לאנד פון ראובינען. דער נאמען האט צו זיי קוים, קוים דערגרייכט און האלב פארגעסענע איבערדערצעהלטע מעשות וועגען עזר'ן... גע־רעדט האט ער מיט אבגעריסענע רייד, גלייך וויא ער וואלט עפיס אויסגערופען: „ארזארעט, דאס לאנד פון ראובינען ליעגט הויך אויף דיא אלע ברעגען פון דיא בערג — דארטען, איז אן אונ־ענדליכע ברייטקייט און שטילקייט..."

וואס איז דאס אזעלכעס? זיי האבען איהם ניט פארשטאנען, נור דער קלאנג פון זיינע רייד האט זיי באלעבט, אזוי וויא א שטאלצער שאהל פון א גרויסער כלי זין. וואונדער איז געווען אין זיינע רייד.

* * *

דיא מחנה האט זיך געריהרט פון ארט און אנגעהויבען געהען, דיא נאכט איז געווארען אלץ דורכזיכטיגער און העלער און פון אויבען האבען אצינד אויף זיי געקוקט טויזענדער פייערן. און ווייטער, אלץ ווייטער זיינען זיי געגאנגען. ארויפ־געהענדיג אויף קליינע בערגלעך, נאכדעם אראב־לאזענדיג זיך אויף דיא מיט פראסט באדעקטע שטעגלעך. און דיא צייט איז געגאנגען...

ענדליך האבען זיך פאר זיי בעוויעזען דריי וועגען, דא האבען זיי זיך געדארפט טרעפען מיט דער צווייטער מחנה, אדער ערפאהרען, וועגען איהר, דערנעהנטערען זיך און פון ווייטענס נאך איינהערען זייער יובעל געזאנג.

אבער צו זייער גרוים וואונדער האט זיך פון וואלד ארויסגערוקט איין מענש. „מנחם, — האט ער געשריען — מנחם קער זיך אום צוריק! זיי האבען זיך ניט ענטשלאסען, זיי האבען ניט געגלויבט! און דא, וויעדער, געהען ארום זעל־נער: זיי האבען עטוואס דערשמעקט און קענען יעדער מינוט אנקומען אהער"...

און אויגענבליקליך איז פארשוואונדען זיי־ער גאנצע געמאכטע שטארקייט. מיט איין מאל זיינען דיא טענער פון זייערע שטימען אבגע־ריסען געווארען... נאכדעם האט זיך אויפגעהוי־

בען אַ שטורם, עס האָבען זיך אָנגעהויבען הערען צווייפלענדע אויסגעשרייען.

„דער וועג איז אָבגעשניטען, אצינד איז שוין אָבגעשניטען!... וואָס האָבען מיר גע־וואַרט? וואָס געוואַרט?“

נור מנחם האָט אַ געשריי געטהאָן:

— זיי האָבען ניט געוואָלט גלויבען, ביי זיך ניט געקענט פועלן, אויף אייביג ליידען זאָל זיין זייער גורל! פאַרוועהרטס!

— „אָבער דער וועג איז דאָך אָבגעשניטען, דאָרטען זיינען זעלנער...“

ער האָט אַ ציטער געטהאָן ווי פון אַ שטורים; נור באַלד האָט ער ווידער אָנגעהויבען שיינען.

— דער צייכען פון גאָט, דער צייכען פון גאָט! ער וויל אונז בעווייזען דאָס גרעסטע פון אַלע וואונדער. מיין פאָלק — און ער האָט אויף צו פריהער אויסגעצויגען די הענט — דאָרטען, דאָרטען, דאָרטען איז אונזער וועג!

— „דאָרטען איז דאָך אָבער דער ים! דער ים!“

צום זיפּצענדיגען טומעל פון קולות האָט זיך שוין צוגעמישט אויך זיין קול. ער האָט אַ געשריי געטהאָן נאָך הילכיגער:

—דאָרטען איז דער וועג, דאָרטען, דאָר־טען! צו דענזשע האָט איהר קיין מאָל ניט גע־הערט דעם נאָמען משה? האָט איהר געהערט דערצעהלען, וויא אזוי עזרה איז געגאַנגען? וועגען דעם וויא אזוי די צעהן שבטים זיינען געגאַנגען?

האָט איהר געהערט וועגען ארזארעט און די וועגען צווישען ים — פעלזען? מיין פאָלק — עס איז דער וועג!

און האסטיג האָט ער זיך געלאָזט לויפען אויף פאָראויס. שטאַרק פאַרדרייט האָט זיך גע־צויגען דאָס שטעגעל אראָב פון בארג. אויף זיי האָט זיך צולאָזט און געפלאַטערט די ציטער־דיגע פאָהן. און אין דער דורכזיכטיגער לופט האָט זיך שוין געפיהלט דער ריח פון פארבען. פון וואַלד האָבען זיך אויפגעהויבען און געלאָזט פליהען צום הימעל גאַנצע וואָלקענס מיט ציטער־דיגע פליגלען — דאָס זיינען געווען די פויגלען וועלכע זיינען אהיים געפלויגען אין זייער אייגען לאַנד און האָבען געזוכט דעם וועג.

זיי האָבען זיך געלאָזט נאָך די פויגלען, נאָך זיי איז נאָך געגאַנגען די גאַנצע עדה. און ווידער האָט די ערד אָנגעהויבען ציטערן פון טריט. און לעבען מנחם'ן האָבען זיך וויע־דער געטראָגען פייערדיגע רייד.

נור אין די אונטערשטע רייהען האָט זיך שוין פאַר'גנב'עט אַ צווייפעל; וואוהין געהען זיי? וואָס קען דאָרט עטוואָס אנדערש זיין אווי־סער דעם ים? וואָס האָט ער געוואָלט? וואָס האָט ער געוואוסט?

מיעד זיינען זיי געוואָרען, מיד זיינען זייע־רע פיס, מיעד זיינען זייערע קעפּ... וואָס פאַר ווערטער רעדט ער דאָס? און פיליייכט האָט ער דאָרט צוגעגרייט שיפען? עפּעס זיינען ביי איהם דאָך אזוינע מאָדנע אויגען. אַלץ איז ביי איהם מעגליך! און אפשר פיהרט ער זיי אין אַ גרוים געפאהר... אַ, ווען נישט מעהר וויא געפאהר זאָל זיי ערוואַרטען דאָרטען! צו פיין זיינען זיי שוין צוגעוואָהנט געוואָרען! זיי האָ־בען עס שוין פאַרזוכט אויך פריהער, איבעראַל..

דאָס געהן איז אַלע מאָל געוואָרען שווע־רער, כאָטש דער וועג איז געווען באַרג־אַראָב; זיי האָבען זיך צוטהיילט אין עטליכע מחנות. נור מנחם האָט פון גאָר נישט געוואוסט, ער איז זיך געגאַנגען וויא פריהער, און, גערעדט אַלץ דיזעלבע ווערטער וואָס פריהער. איבער זיין קאָפּ האָט זיך געטראָגען דער קלאַנג פון אַ גלעַ־קעל און עס האָט געלייכט — אזוי האָט זיך גערעכט רחל'ען — אַ זעהר גרויסער פלאַמענ־דיגער שטערען.

אצינד האָט זיא דערפיהלט אין'ם גערודער פון דער לופט, אין דעם קלאַנג פון די טריט, אז ער פיהרט זיי צו גרויסע וווּנדער, צום אונ־ענדליכען גלויבען.

מנחם'ס זעהונגען האָבען איהם אַלץ מעה־רער בע'כישוף'ט: „ארזארעט איז אין דעם גלאַנץ ון פורפור־שטראַהלען! ארזארעט איז און שטילע אונענדליכע ווייטקייטען! אַלץ וועט זיין ביי זייערע פיס! אזוי וויא מען וואַרפט פון זיך אַראָב דאָס אָבגעטראָגענע; אזוי ווי עס פאַלען אראָב די ערשטע בלעטער פון אַ בלום, ווען זיא עפענט זיך פאַנאַנדער, אזוי דאַרפען זיי פון זיך אַלץ אראָבוואַרפען, וואָס עס האָט זיי געבונדען ביז אצינד“...

זייער גאַנצע וועלט באַשטעהט נור אין דעם לאַנד, וואָס וועט זיך פאַר זיי ענטפּלעקען פון די הויכע בערג. די גאַנצע וועלט וועט פאַר זיי אויסזעהען, וויא ווייטע בלויליכע פאַ־סען, און אַ ציטערדיגער שיין אין הימעל. זייערע תפילות זיינען גלייך וויא אַ פייער, וועלכער הויבט זיך אויף בעת די לופט איז שטיל. זייער לעבען — איז י יובעל — געזאַנגען!

יענע וואָס זיינען געווען נעהנטער צו איהם האָבען איין געזאַפּט אין זיך זיינע רעד און, ווידערהאָלענדיג זיי הויך, האָבען זיי איינס דאָס אנדערע געהאָלזט פון פרייד. די לופט און ערד, האָבען זיך אנגעהויבען אנזעטיגען מיט ליכטיגקייט, גיך האָט די זון בעדאַרפט אויפ־

נעהן. און דער שיין איז געווען דורכגעדרונגען מיט פארבען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען מער־קען, רויטע טיכער, גילדערנע פונקען פון ליי־טערדיגע שטיינגעס און האָר. דערנאָך זיינען דיא פארבען געוואָרען נאָך רייכער; עס האָבען זיך בעוויזען בלויע און גרינע קאָלירען, זיידינע העפטונג, וואָס האָבען ביי יעדער באוועגונג ארום געכאפט דאָס לייב, דיא טאַנצענדיגע פיס, דיא פורפערנע ליפען און לייכטענדע אויגען.

דער שטערען איבער מנחם'ס קאָפּ איז אין שטילע אונענדליכע ווייטקייטען! אלץ וועט צאַנקענד פייערל נור די פורפורנע פארבען מיט דיא בלאנקענדע צייכענס האָבען אלץ איבער איהם געפלייטערט. זיין קאָפּ איז געווען שטאָלץ און גרינג און אין א זייט פארוואָרפען, — און וואָס פאר א קאָפּ דאָס איז געווען!

אויף יענע, וואָס זיינען געגאנגען הינטען, האָט זיך אויך צוגאָסען א שיין, נור נישט דיא זעלבע. זיא איז געווען עפעס שניידענד, אָב־לאכענד! א שיין וועלכע האָט גנב'ענדיג זיך אריבערגעפלאָכטען אלע אויסגעבויגענע, שמור־ציגע מענשען, דיא געל־געוואָרענע פנים'ער, פארשרומפענע ליפען, בעלייבט דיא בליקען, וועלכע האָבען אויסגעדריקט א טוידטע מיעד־קייט פון האָפנונגסלאָזע וואנדערער, און פאר־ריסענע ברעמען נישט וויא צום לאכען, און ניט וויא צום וויינען... דאָס אלעס האָט נישט האר־מאָנירט מיט דער העלקייט פון דיא פארבען.

אָבער מנחם האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף צוריק. נישט אומגעקוקט האָבען זיך אויך דיא וואָס זיינען געגאנגען נעבען איהם, און נישט אומגעקוקט האָט זיך רחל. גלייך נעבען זיי, צווישען דיא געדיכטע בוימלאך, האָט געשטיר־צעט א שטיין און אויף איהם א מאָדנע, גרויסע לופטיגע הוואליע אין דעם געשטאלט פון א וואלקען־וואנט, האָט אויבען געברענט און שטארק דערמאָהנענדיג אין דער קאָלירענדער הויט פון א טהיר; פון ערגעץ האָט זיך געטראָ־גען א קיהלקייט.... עס האָט אויפגעפלאקערט איין פייער נאָך'ן צווייטען... פון דער פאָהנע האָבען, וויא פונקען געשפריצט! עס האָט וואונ־דערבאר געלויכטען, און אזוי וויא מנחם'ס הויז האָבען געברענט און אלץ איז נאכדעם צורונען, צו שוואומען, אין א גאנצען ים פורפור, ווען די זון אליין האָט זיך בעוויעזען. און פלוצלונג אין דער מיטען הימעל פון דער בלאנקענדיגער שיין, האָבען זיך אין דער לופט בעוויעזען פליגלען, אויסגעגאָסענע וויא פון טונקעלען מעטאל, גרוי־סע, לאנגזאם פאָרענדיגע פליעגלען...

דיא געהענדע האָבען זיך אָבגעשטעלט מיט פרייד.

—זעהט א'ן אדלער! א'ן אדלער!

נאכהער האָבען זיי האסטיג זיך אנגעהויז־בען א ראָבלאָזען. אנטקעגען האָט זיי ארויסגע־שלאָגען א נייער שיין — אצינד האָט שוין גע־פלאקערט דער גאנצער גאריזאנט. דער גאנ־צער ים, האָט זיך געדראכט, איז ארום געכאפט מיט פלאמען, וועלכע שניידען זיך אין שווארצע וועגען; דער גאנצער הימעל האָט געברענט, גלייך וויא א שרפה — דאָס האָט געשיינט דיא זונן!

— ארזארעט! ארזארעט!

נור אונטער זיי האָבען זיך דערהערט אונ־רוה און פערצווייפלנגס־געשרייען; אין ים זיי־נען נישט געווען קיין שיפען; עס איז נישט געווען קיין וועג, ניט קיין רעטונג דער ים האָט זיך נור פאר זיי צושפרייט. דאמאלס האָט מנחם ארויפגעקלעטערט אויף'ן שטיין, און אויסגע־צואגען זיינע הענט צום וואסער־צו.

— פארגעבען זאָל אייך ווערען דיא זינד פאר אייער געשריי! צו דען זשע האָט איהר פארגעסען, וואָס פאר א צייט איצט איז? ביי אונז איז פסח, און דיא זעלבע נויטה וואָס אמאָל, און דער זעלבער גאָט! דיא וואסערן האָבען דאן דיך דערזעהען, אָה, רבונו של עולם — נור. דערזעהען און זיך באלד — צוטיילט!

אין ים איז דאמאלס געלעגען דיין וועג און צווישען דיא ים־וועללען האָט זיך א שטענגעל אויסגעשפרייט. נאָך אצינד איז אויפ'ן אבגרונד פאראן א צייכען פון דיינע טריט! פאָלק! פאָלק! משה'ס פאָלק! אָט איז דער וועג! אָט דאָ זיינען די גרויסע וואונדער! דאָרט איז אונזער לאַנד, דאָרט איז רוה און פריעדען, דער טאָג פון טויזענדע יאָהריגער ערוואַרטונג, ליידען און האָפנונג! אצינד געהט מיר נאָך אָהן מורא, טרעט אריבער דעם שוועל, דעם שוועל פון „גע־היימנים“! ווייזט אייער שטארקען גלויבען און דעם אלמעכטיגען גאָט! הינטער אייך זיינען אונאויסשעפענדע ליידען און שאנדע, און דאָרט, אין אייער געגענווארט — א אונענדליכער שיין! ווער וויל זיין דער ערשטער? ווער וויל? ווער וויל? וואוהין נור זיין פוס וועט אריינטרעטען, וועט דער טיעפסטער ארט זיך פערוואנדלען אין א רובינען־וועג. פאָרווערטס!

און ער האָט זיך א וואָרף געטאָהן אראָב פון בארג, זיינע באקען האָבען געפלאמט מיט וויא פייער, דיא אויגען האָבען ווילד געגלאנצט און זיך ברייט פאנאנדערגעעפענט... עטליכע מענשען זיינען איהם נאָכגעשפרונגען, זייערע האָאר האָבען זיך צופלאטערט דיא הענט גע הויבען צום הימעל, קיינער האָט גאָר נישט

געזעהען, און אלץ איז געווען וויא איינגעהילט
אין פלאמען.:...

נאכדעם האט א שרעק און ציטערנים ארומגעכאפט אלע איבעריגע : „משוגע'נער, משוגע'נער! — עס איז א שווארצער גייסט, און האט זיי פארנארט אויף א זיכערען טוידט! ער האט זיי אריין געטריעבען נאך אין א טיע־פער פערצווייפלונג וויא זיי זיינען ווען געווין. וויא גרויס זיין מאכט איז געווען! אוועק, אוועק פון דאנען! קעהרט אב אייערע אויגען און אנט־לויפט, אנטלויפט!.

פון שרעק, טאמער וועלען דיא ערשטע רייהען, זיי פארנארען צו זיך, האבען זיי זיך מיט דיא הענד דיא פנים'ער פארשטעלט, אויף דער ערד זיך געווארפען, אדער זיך אויסגעדרייט און געלאפען צוריק, פארפאלגט פון גרויס מורא.

פון פארענט האט זיך געהערט א שטארק פאטשען פון וואסער באגלייט מיט ווילדע גע־שרייען, קולות ניט פון פרייד און נישט פון לייד.. דיא ליכטיגקייט איז געווארען אלס גילדערנער. דיא זון איז אויפגעגאנגען.

זעהר וויניג האבען זיך אומגעקוקט אויף צוריק. אין שרעק זיינען זיי געלאפען, קלעטערנ־דיג אויף ד יאבערגלאך. זיי זיינען געקראכען אויף דיא אבגעריסענע, צובלוטיגטע קניע : „צוריק, צוריק, צו דער שאנדע! אבריכטען פסח און זיך טרעפען מיט יהושע'ן! צוריק, געפיי־ניגט און אפשר אויך געטוידט ווערען!

רחל איז צווישען זיי נישט געווען. זיא איז מיט האלב אפענע ליפען געלאפען גלייך באלד נאך מנחם'ען! און נאך עפעס ביי א צעהנדליג האבען צווישען יענע געפעהלט, נור באוויינען זיי איז קיין צייט נישט געווען, אלע זיינען גע־לאפען אויף גיך צוריק, ציטערנדיג פאר זייער אייגענעם לעבען.

* * *

און זיי האבען זיך צוריק געקעהרט און געלעבט וויא פריהער, אין בלאטע האט מען זיי געטראטען, אויף שריט און טריט בעליידיגט, זייער אייגענע ברויט האבען זיי זיפצענדיג גע־געסען. נור אין דיא מינוטען ווען זייערע ליידען האבען אויפגעהויבען זייער גייסט, דאן האבען זיי דערמאהנט דיא בעטרונקענע פרייד און הא־פענונג פון יענער נאכט.

דאן האבען זיי וויעדער געהערט א גערו־דער פון טריט, און פליסענדיגע זיעגעס געזאנ־גען, און דעם קלאנג פון א גלעקעלע און דאס פלאטערען פון פליעגלען, און וויעדער האט זיך אין דער שיין פון זונען־אויפגאנג צושפרייט א ברייט וואסער אין גאנצען ארומגעכאפט מיט פלאמען; און זיי האבען נישט געוואוסט אויף לעבען אדער טוידט איז דאס א סימן ?

און לעגענדען האבען זיך פארשפרייט, אז דיא יונגע לייט, וואס האבען זיך אין'ם ים אריינגעווארפען,' האבען דערגרייכט זייער צוועק! נישט אין דעם לאנד פון זייערע עלטערן זיינען זיי געקומען — אין א לאנד מיט אונענד־ליכע היילען אהן זארגען, וואונדערבארעם, לאנד פול רובינען און דיאמאנטען. זיי האבען ער־רייכט ארזארעט, וועלכער רופט און ציהט אזוי צו יעדען מענשען אין דער שיין פון זונען־אויפ־גאנג !

היאוואטהא

פון הענרי וואדסוואָרטה לאָנגפעלא.

(איבערזעצט פון ענגליש) פון יהואש.

IX

היאַוואַטהאַ און פּערעל־פּעדער.

בײ דעם ברעג פון גיטשי־גומי,
בײ דעם גרויסען טײך דעם העללען,
דאָרט געשטאנען איז נאקאמיס,
מיט איהר פינגער קעגען מעריב,
איבער'ן וואססער קעגען מעריב,
צו דיא פורפור אבענד - וואָלקענס.

צאָרניג - רויט אראָב דיא זונן איז,
ברענענדיג איהר וועג אין הימעל,
לאָזענדיג נאָך זיך א שרפה,
וויא דיא קריגסלײט אין מלחמה,
צינדען הינטער זיך דיא פּריירים;
און דיא נאכט - זונן דיא לבנה,
פּלוצלינג איז ארויסגעשפּרונגען,
פון באהעלטעניסס אין מזרח,
שנעלל געיאָגט זיך נאָך דיא בלוט - טריט,
נאָך דיא פייערדיגע קריגס - שפּור,
מיט דער זונן'ס גלאַנץ אויף איהר פּנים.

און דיא אלטעטשקע נאקאמיס,
מיט איהר פינגער קעגען מעריב,
האָט געזאָגט צו היאוואטהא'ן:
„דאָרטען וואָהנט דער פּערעל - פּעדער,
מעגיסאָגוואן דער מכשף,
הארר פון רײכטהום און פון פּערל,
איהם בעוואכען פייער שלאַנגען,
סמאָלע - טײכען רינגלען אום איהם,
דו קענסט זעהן דיא פייער - שלאַנגען,
גרויסע עקדישען קאנאביק,
וויא זיי קנוילען זיך אין וואססער,
דו קענסט זעהן דיא סמאָלע - טײכען,
וועלכע הינטער זיי זיך שטריקקען,
ביז דיא פורפור אבענד - וואָלקענס.

„ער מיט זײנע כישוף - קונצען,
צוגעהרג'עט האָט מיין פאטער,
ווען אראָב פון דער לבנה,
איז ער אויף דער ערד מיך זוכען,
ער דער מעכטיגסטער מכשף,
שיקט דעם פיעבער פון דיא בלאָטעס,
שיקט דעם פעסט־געפילטען אויר,
שיקט פון זומפּ דעם ווײססען נעבעל,
שיקט אויף אונז אן טויט און קראנקהײט.
נעהם דײן בויגען היאוואטהא,
פּײלען צוגעשפּיצט מיט יאספּיס,
נעהם דײן קריגס־שטאָק פּאָגאוואָגאָן,
און דיא הענדשקעס מינדזשיקאהאָן,
נעהם מיט זיך דײן בירקען־שיפּפעל,
נעהם דעם טראָן פון מישא־מאקוואָ,
אײנצושמירען עס זאָלל האסטיג,
דורכגעהן דורך דיא סמאָלע־טײכען;
טויט דעם גרויזאמען מכשף,
און בעפרײ דאָס פאָלק פון פיבער,
וועלכער אטהעמט פון דיא זומפּען;
פאר מײן פאטער'ס טויט נעהם ראַכע.

גלײך בעוואפּענט היאוואטהא,
האָט זיך מיט זײן קריגס - כלי־זין,
האָט אראָבגעלאָזט דאָס שיפּפעל,
אויפגעראמט געגלעט דיא ווענטלעך,
און געזאָגט: טשימאן, מײן זיססע
בירקענשיפּפעל שפּרינג אוועק דאָ־ט
וואו דו זעהסט דיא פייער־שלאַנגען,
וואו דו זעהסט דיא שווארצע טײכען.

און אוועק טשימאן איז פריילינג,
און געזונגען היאוואטהא,
האָט זײן קריגס־ליעד ווילד און שמערצליך,
אויבען, דער מלחמה אדלער,
דער קעניו, דער גרויסער אדלער,
ער דער פויגעל - האר, מיט ליארעם
האָט געשטורעמט דורכען אויר.

באלד געקומען איז ער דאָרטען
וואו דיא גרויסע פייער - שלאַנגען,
ליגען אויסגעשפּרייט אין וואססער,
פינקלען, פּליושקען זיך אין וואססער,
און זיך קנוילען בײן ארײנגאנג
הײבענדיג דיא רויטע קאממען,
היכענדיג טומאן און פארע,
כ'זאָלל ניט קײנער קענען דורכגעהן.

דאָך אָהן מורא היאוואטהא,
אויסגעשריען אויפען קול האָט:
„לאָזט מיך געהן מײן וועג, קענאביק
לאָזט מיר געהן אויף מײן נסיעה!
שיפּענדיג מיט פייער־אטהעם,
האָבען זיי איהם אָבגעענטפערט:
געה צוריק, דו שאָגאָדייא,
געה דו פּחדן, צו נאקאמיס.

דאן גענוממען ער מיט צאָרען,
האָט זײן יאסינאווען בויגען,
האָט דיא פּײלען יאספּיס - שפּיציג,
און געשאָסען אין דיא שלאַנגען;
יעדער קנאלל פון שטריק געוועזען,
איז א קריגס־געשרײ א טויט קרעכץ,
יעדער פּײלען־סוויסטש געוועזען,
איז א טויט־ליעד פאר דיא שלאַנגען.
וועלצענדיג זיך אין דעם בלוט שטראָם,
זײנען טויט דיא שלאַנג געלעגען,
זיכער שיפּפענדיג דורך זיי זיך,
אויסגערופען היאוואטהא,
האָט מיט פרייד: „טשימאָן, מײן זיססער,
טראָג זיך, צו דיא סמאלע־טײכען.

דאנן מיט נאהמאס פעטט באשמירט האָט
ער דעם שיפּפעל'ס שפּיץ און וועגטלעך,
גוט באשמירט עס זאָלל מיט שנעללקײט,
דורכגעהן דורך דעם שווארצען פּעך־שטראָם.
און א גאנצע נאכט געפאָהרען,
איז ער אויף דעם פוילען וואססער,
צוגעדעקט מיט אלטען שימעל,
שוואַרץ פון טײך־שטעקלעך פארפוילטע

פעסטיג פון פארוועלקטע בלוממען,
שטילל, אָהן לעבען, וויסט און טרויריג,
פון לבנה'ס ליכט באשיממערט,
פון דיא טאנצענדיגע פלעמלעך,
פייערלעך וואָס מתים צינדען
אָן ביי נאכט אויף זייער לאגער.

ווייסס פון ליכט געווען דיא לופט איז,
דונקעל־שווארץ דער טייך פון שאטטען,
איהם ארום געזוממט, סאגגעמא
דער מאסקיטא, האָט זיין קריעגס־ליעד,
וואה־ווא־טיי־זי, ס'פייער פליגעל,
הין און הער געוויגט אין אויר,
האָט איהר ליכטעל איהם צו נאררען.
אין לבנה־ליכט איהר קאָפּ האָט,
אויסגעשטעקט דיא פראש, דאהינדא,
איהם בעקוקט מיט געללע אויגען,
דאנן איז חליפענדיג פארזונקען,
און א טויזענד סוויסטשעס האָבען,
אָבגעהילכט אויף אללע זומפּען,
ביז דער ווילדער עוף שווישיגא,
פון זיין נעסט ביין ווייטען ברעג האָט,
אָנגעזאָגט דעם גבור'ס קוממען.

מעריב־צו איז הייאוואטהא,
צום מכשף'ס ־ לאנד געפאָהרען,
צו דעם לאנד פון פּערעל ־ פּעדער,
ביז געגלאָצט איהם דיא לבנה
בלאסס באטריבט האָט גלייך אין פּנים,
ביז דיא זונן איהם האָט פון הינטען,
הייסס געברענט אויף זיינע פּלייצעס,
און געזעהן פון פאָרענט האָט ער,
אויף א בארג דעם שטראהלענ־וויגוואק,
פון דעם מאנימאָ פון וואמפּום,
פון דעם מעכטיגסטען מכשף.

ווידער גלעטטענדיג זיין שיפּפעל,
אויסגערופען האָט ער: „פאָרווערטס"!
צוקענדיג מיט אללע גליעדער,
האָט דאָס שיפּפעל מיט נצחון
בלויז איין גרויססען שפּרונג געגעבען,
דורך דיא ליליעף פונעם וואססער,
דורך דעם פּלאָנטער פון געוויקסען,
און אויף יענער זייט געבראכט איהם
ניט פארנעצט זיין פוס אפילו.

דאנן גענומען הייאוואטהא,
האָט זיין יאסינאווען בויגען,
אויף א זייט געלעהנט אין זאמד איהם,
מיטען קני געדריקט דעם מיטטען,
שטייפער ס' שטריקעל איינגעצויגען,
דאנן א פייל פערשפּריצט מיט יאספּיס,
זוממענדיג אוועקגעשיקט האָט,
קעגען בלישטשענדיגען וויגוואם,
איהם געשיקט האָט אלס שליח,
פון זיין הויכען שטאָלצען אויפרוף:
„קומם פון וויגוואם, פּערעל ־ פּעדער
דענן אויף דירווארט הייאוואטהא.

גלייך ארויס פון העללען וויגוואם,
איז דער מעכטיגער מכשף,
הויך און וואליכס מיט ברייטע פּלייצעס,
מיט א פּנים שווארץ און שרעקליך,
אָנגעקליידט אין וואמפּום ־ ציערונג,
אָנגעוואפענט מיט כלי ־ זין,
אָנגעפארבט וויא מאָרגען ־ היממלען,
בלוי־געשטרייפט און געלל און פּורפּור,
אויף זיין קאָפּ דיא אדלער פעדערן,
הין און הער געוויגט זיך האבען.

„אָ, איך קענן דיך, הייאוואטהא" —
האָט ער מיט א קול פון דוננער,
מיט א חזק ־ טאָן געשריען:
"לויף צוריק" — דו שאָגאָדייא —
צו דיא ווייבער, געה דו פּחדן,
צו דיא אלטעטשקע נאקאמיס,
כ'וועל הרג'ן וויא דו שטעהסט דאָ
וויא איך האָב געטויט איהר פאטער.

הייאוואטהא אָהן שום מורא,
אָהן שום פּחד האָט געענטפערט:
„ווערטער טרעפען ניט וויא קריגס־העק,
פּראהלען איז קיין בויגענשטריק ניט,
שפּאָטט איז ניט פארשארפט וויא פיילען,
טהאָן איז בעססער וויא בלויז ריידען,
טהאטען בעססער, וויא זיך ריהמען.

זיך צוברענט דער גרעסטער קאמפּף האָט
וואָס דיא זונן האָט אָנגעקוקט ווען,
וואָס דער קריגס־אדלער געזעהן האָט,
האָט א זוממער טאָג געדויערט
פון באגיננען ביז אין אבענד,
דענן דיא פייל פון הייאוואטהא,
ניט געשאדט האָט, ס'העמד פון וואמפּום
ניט דיא קלעפּ וואָס ער דערלאנגט האָט,
מיט דיא הענדשקעס, מינדזשי קאהאָן,
ניט זיין קריגס־שטעקען דער שווערער;
פעלזען האָט געקענט ער שפּאלטען,
אָבער ס'צויבער ־ העמד פון וואמפּום,
ניט געקענט צורייסען האָט ער.

און פארנאכט האָט אָנגעלעהנט זיך,
הייאוואטהא אויף זיין בויגען,
מיעד פערוואונדעט און פערצווייפעלט,
מיט זיין קריגס־שטעקען צובראָכען,
מיט דיא הענדשקעס דורכגעריססען,
און מיט דריי פערפעהלטע פיילען,
האָט פאררוהט זיך אין דעם שאטען
פון א סאָסנע וועלכערס צווייגען
זיינען מאָך־בעדעקט געהאנגען,
וועלכער'ס שטאמם געווען באוויקעלט
איז מיט מלאך־המות ־ לעדער,
איז מיט ווייסס און געלע שוועמלעך.

פלוצלינג הערט ער וויא פון אויבען
זינגט דער בוימהאקקער, דער מאמא:
ציעל דיא פיילען הייאוואטהא
גלייך אין קאָפּ פון מעגיסאָגוואָן,
טרעף אין טשוב איהם, ביי דיא וואָרצלען,
פון דיא לאנגע שווארצע קודלעס,
דאָרט נאָר קענסטו איהם פערוואונדען.

און ווענן מעגיסאָגוואָן האָט זיך,
איינגעבויגען אויפצוהויבען,
פון דער ערד א שטיין צום ווארפען,
האָט דיא פייל פון הייאוואטהא,
יאספּיס־שפּיציג און באפעדערט,
איהם אין רעכטען טשוב געטראָפען,
ביי דיא וואָרצלען פון דיא קודלעס,
און ער האָט גענומען וואנקען,
וויא א בופפעל ־ אָקס פארוואונדעט,
גלייך וויא פעצעקי דער בופפעל,
ווענן דער שניי ליגט אויף דער פּרוירי.

שנעללער איז דיא פייל דיא צווייטע
נאָך דער ערסטער נאָכגעפלויגען,
האָט נאָך טיעפער איינגעדרונגען,
האָט נאָך שמערצליכער פארוואונדעט,
ביז דיא קני פון מעגיסאגוואָן,

האָבען טרייסלענדיג געביוגט זיך
וויא אין ווינד דיא וואסער־שטעקלעך.

דאָך דיא דריטע פייל געוועזען,
איז דיא שנעללסטע און דיא שארפסטע
און דערזעהען האָט מעגיסאגוואָן,
פאגאק׳ס פייער־אויגען גלאָצען,
האָט דערזעהען פון טויט דיא אויגען,
האָט געהערט דורך נאכט זיין רופען,
טויט געלעגען היאַוואטהאַן,
צו דיא פיס, איז פּערעל־פעדער
איז דער מעכטיגסטער מכשף.

פולל מיט דאנק האָט היאוואטהא
דאנן דעם בוימהאקקער גערופען
פון זיין ערטעל אין צווייגען
פון דער אומעדיגער סאָסנע.

אלס בעלוינונג פאר זיין טובה,
האָט ער ס׳קליינע פעדער־בינטעל,
טראָג דעם טשוב פון רויטע פעדערן,
אלס בעלוינונג פאר זיין טובה.
האָט ער פון מכשף׳ס רוקקען,
פאר א צייכען פון זיין זיגען,
פאר א סמן פון נצחון.
האָט געלאָזען דאָרט דעם קערפּער,
האלב אין טייך, האלב אויף יבשה,
אין דעם זאמד דיא פיסס פארגראָבען,
און דאָס פּנים אינעם וואסער.
אויבען ליארמענדיג געדרייהט זיך
האָט דער קריגס־אדלער, דער שטארקער,
מאכענדיג זיין קרייז אלס שמעלער,
קוממענדיג אלס נעהנטער, נעהנטער.

פון דעם וויגוואם צוגענוממען,
היאוואטהא האָט דיא אוצרות,
אויסגעטהאָן דאָס העמד פון וואמפום,
בופּפעל פעללען, ביבער פעללען,
הערמעלין און סויבעל פעלצען,
אויף זיין קאָפּ, מיט בלוט באפארבען;
און ער טראָגט עס נאָך ביז איצטער,
פּעלצען טהייערע און וואמפּום,
פּערעל גארטלען, שנורען, בייטלען,
פיילער בייטלען פון קארעלען,
אָנגפיללט מיט זילבער פיילען.

דאנן אהיים מיט פרייד געפאָהרען,
איז ער דורך דיא כמאלע טייכעז,
דורך דיא עקדעשען דיא טויטע,
מיט דיא צייכענס פון זיין זיעגען,
מיט געזאנגען פון נצחון.

אָבגעוואַרט איהם האָט נאקאמיס,
אויפען ברעג מיט טשיביאבאס,
מיט דעם גרויסען גברן קוואסינד,
אָבגעוואַרט דעם גבור׳ס קוממען,
און געהערט דיא זיגס־געזאנגען.
און פון דאָרף דאָס גאנצע פאָלק האָט,
איהם באגריסט מיט טעניץ און ליעדער,
מיט הוליאנקעס און געשרייען:
„גיט אָב כבוד היאוואטהא,
ער געטייט האָט פּערעל־פעדער,
און דעם מעכטיגסטען מכשף,
איהם וואָס פלעגט דעם הייכסטען פיבער,
פלעגט פון זומפּ דעם ווייסען נעבעל,
פלעגט אונז טויט און קראנקהייט שיקען.

תמיד טהייער היאוואטהא׳ן,
איז פערבליבען מאמא׳ס זכר,
און אין צייכען פון זיין פריינדשאפט,
אלס אן אנדענקען פלעגט תמיד
ער זיין ליולקע רעהרעל ציערען,
מיט דעם פורפור פעדער־בינטעל,
מיט דעם רויטען טשוב פון מאמא,
דאָך דיא אוצרות פון מכשף,
דיא געווינסען פון מלחמה,
האָט ער מיטען פאָלק צוטהיילט זיך,
איטליכען א גלייכען חלק.
(פאָרטזעצונג פאָלגט.)

וואנדערלוסט.

און קומט דער ליעבער זומער, דאן חאפּט מיר אָן א לוסט,
א וואנדער־לוסט צו וואנדערען א־וואו עס זאָל ניט זיין;
מיך לאָקט דער בלויער הימעל, מיך רופט דער בלויער ים,
מיך רופען אללע שטערען, איך זאָל דאָ מעהר ניט זיין...

איך ווייס ניט וואו דער וועג איז, איך ווייס ניט וואו ער לויפט,
איך ווייס ניט וואו עס טרוימען דיא בלויע בערג אין רוה;
איך פיהל נור עפּעס ברענען וויא וואהנזין אין מיין הארץ,
און טרייבען מיר אלין פאָרווערטס צום העללען מזרח צו...

איך פיהל נור, איך וואָלט וועלען זיך זעגענען מיט דער שטאָדט,
זיך זעגנען מיט דיא מענשען און מויערען פון שטיין;
דיא זון וועט זיין מיין וועכטער, מיין וועג־ווייזער דער מאָנד,
איך וועל שוין ניט פערבלאָנדזשען און פריי וועט זיין מיין געהן...

עס ברענט, עס ברענט וויא וואהנזין, וויא פייער־פלאם אין ברוסט —
אויף אדלערישע פליגעל שוועבט און שטרעבט מיין זעעל;
איך הער דיא שטערען רופען, דער פויגעל און דער ים,
און גאָט־געזאנג פון ווייטען פון צויבערישען קעהל —

און ס׳הייבט מיין בלוט אָן שפּ יעלען א וואנדער־מארש—און שטאָלין
איך פיהל זיך וויא אונשטערבליך, מלאך׳דיג און גרויס;
אַ בישוף׳דיגער־כח נעהמט מיך פעסט אַרום
און שטאַרק אַ זון־געקרוינטער וואנדער איך אַרויס..

יואל סלאָנים

זשורנאליסטישע ערינערונגען.

פון מאָררים ווינטשעווסקי.

1.

וויא ער, כביכול — א סאטיריקער צו בר מצוה — מיין ערסטע „בעקאנטשאַפט“ מיט בערנע — פרויהייט! — א „פיינער יונגער מאנטשיק“ — עהרליכקייט און חיונה — דער „המגיד“.

איך ווייס ניט צו די גמרא צו דער מדרש, אָדער אימיצער (פון אונזערע חכמים) האָט ערגעץ־וואו אמאָל געזאָגט, אז איידער די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען פלעגט דער אויבערשטער נאָך אנאנד בויען וועלטען און זיי פערניכטען — „היה בונה עולמות ומחריבן.“

אין מיינע יונגע יאָהרען (פון עלף ביז דרייצעהן — פיערצעהן) פלעג איך קלערען, אז דאָס האָט מן הסתם דער אויבערשטער געטאָן דערפאר, ווייל לכתחילה, ווען ער האָט זיך גענומען צו דער ארבייט, האָט ער געהאַט בדעה צו מאכען אָן עקסטרא־פיינע וועלט, אפשר איינע — א קשיא אויף א מעשה! — אין וועלכע עס זאָלל ניט זיין קיין נויט, קיין דלות און קיין קנעכטשאַפט, אָבער דער פּלאן זיינער האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען. ער האָט דערפאר דיא ניט־געראָטענע ווענלטען צערשטערט איינע נאָך דיא אַנדערע און ווען ער האָט ענדליך איינגעזעהן, אז זיין אידעאַל וועט ער שוין סאיי־וויי־סאיי ניט עררייכען, האָט ער בעשלאָסען צו־מאכען א וועלט אזוי גוט וויא עס וועט זיך לאָזען. דער רעזולטאַט דערפון איז אונזער היינטיגע האַלב־זומפּיגע, האַלב לומפּיגע וועלטעלע, — א רעזולטאַט וועלכער ערינערט אָן קריזלאָוו׳ס בראקוניכע, וואָס האָט אזוי לאַנג געקליעבען חתנים ביז זיא האָט זיך ענדליך פערשלייערט מיט א קאַליעקע.

שפּעטער, ווען איך בין שוין געוואָרען א „זיידע“ (בין דאָן — לאַכט ניט! — געוועזען גאַנצע צוואַנציג יאָהר אַלט) האָב איך די מעשה מיט דיא געמאכטע און צערשטערטע וועלטען עטוואָס בעסער פערשטאַנען. מיר איז בּיסלעכווייז קלאָר געוואָרען, אז אפילו אין די צייטען פון דער גמרא האָט מען שוין מעהר ניט געגלויבט אין דעם, אז דיא וועלט שטעהט נור עטליכע טויזענד יאָהר. אָבער, אזוי ווי נאָך דער תורה נאָך, קומט פּאָרט אויס ניט מעהר וויא דער לוח זאָגט, האָט מען געמאַכט א פּשרה: וועלטען, א שטייגער, האָט דער בורא טאַקע שוין זעהר פיעלע פריהער בעשאַפען, אלא וואָס דען? זיי זיינען אלץ ניט ארויסגעקומען וויא איהם, כביכול, האָט זיך געוואָלט און דערפאר

האָט ער זיי נאָך אנאנד פארבראַקירט, צערשטערט, ביז אונזער היינטיגע וועלט איז מיט א יאָהר פינף—זעקס טויזענד צוריק, געבליבען בעשטעהן.

וויא א איד גיט זיך דאָס אן עצה!

צוליעב דעם צוועק פון דעם אַרטיקעל, וועלכען איהר לעזט, האָט דאָס אַלץ געקענט געמאַכט ווערן קירצער, נור עס האָט זיך אזוי ארויסגעגאָסען פון דער פעדער און איך לאָז עס שטעהן.

אויסען געוועזען בין איך, בדרך משל, צו בעריהרען א פּונקט, מיט וועלכען מיינע פריינד ווערגען זיך און מיינע געגנער לאָבען זיך, — א פּונקט, וועלכער איז דער הויפּט גרונד און דער הויפּט צוועק פון דיא גאַנצע שרייבעריי.

מיינע פריינד און מיינע געגנער, וועהרענד יענע פערטהיידיגען און דיעזע בעשולדיגען מיך, שטיממען איין אין דעם פאַקט גופא, אז דורך מיין גאַנצע ליטעראַרישע קאַריערע, האָב איך, וויא ער כביכול, איממער אליין צערשטערט וואָס איך האָב בעשאַפען. צו דאָס איז געוועזען טאַקע דערפאַר ווייל איך האָב אַלץ געשטרעבט צו האָבען א אידעאַלע צייטונג, א אידעאַלע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע האָבען זיך מיר ניט איינגעגעבען, אָדער צוליעב אנאנדער גרונד, — וויא דאָס זאָלל ניט זיין, דער „פאַקט“ גופא בלייבט פאַר אַללעמען א פאַקט, און מען איז מיר ענטוועדער דן לכף זכות אָדער דן לכף חוב ווערליג נאָך דיא פריינדשאַפט אָדער דיא פיינדשאַפט נאָך, וועלכע מען פיהלט צו מיר.

אין דיעזעם אַרטיקעל און דעם קומעדיגען (פּיעללייכט די קומעדיגע) וועל איך בעשרייבען מיינע זשורנאַליסטישע ערפאַהרונגען. מיר וועט, האָף איך, געלינגען צו בעווייזען, אז דער „פאַקט“ איז כמעט קיין פאַקט ניט. ד.ה. דאָרף אינדירעקט בעווייזען מיין שילדערונג אַלליין, אָבער אזוי וויא איך בין אין דיעזען אויגענבליק (צוליעב מיין געבורטסטאָג) מעהר אָדער ווע־ניגער אויף דער טאַגעס־אָרדנונג, וועט מען מיר פיעללייכט פערצייהען איינינע אַללגעמיינע בע־מערקונגען איידער איך פאַנג אָן דיא ערצעה־לונג.

דיא לוסט צו שרייבען האָב איך געהאַט כמעט פון מיין קינדהייט אָן. מיין פאָטער, א

פאָלקאָמענער העברעער און א מדקדק (א קענער פון גראַמאַטיק) האָט מיך צו אכט יאָהר אוועקגענומען פון חדר און האָט מיט מיר אליין געלערנט. צו צעהן יאָהר האָב איך געהאַט גרינדליך „אויסגעהאַט“ דעם מסלול און בן־זאב׳ס תלמוד לשון עברי. ערסט דאַן בין איך אויף א יאָהר צוויי—דריי צוריקגעגאַנגען צו דער גמרא. מיין ביסעלע תלמוד (בבא קמא, בבא מציעא און ביצה) איז געווען געראַדע גענוג מיר צו געבען אזוי פיעל „גמרא־לשון“ וויא פיעל עס איז נעטהיג אום צו שרייבען „עכט־אידישע“ העברעאיש און ניט צו־פיעל אום צו קענען זיך נעהמען צו אנדערע זאַכען.

האָבענדיג מיין פאָטער אלס א מוסטער (ער האָט קיינמאָל קיין זאַך ניט געלאָזט דרוקען, אָבער ער איז געווען א בעדייטענדער סטיליסט) איז ביי מיר, וויא געזאָגט, דיא לוסט צום שרייבען געווען פון דער ערסטער קינדהייט אן. אָנגעפאַנגען האָב איך, פון דעסטוועגען, ערסט ווען איך בין ארויסגעקומען פון שול מיט דיא רוסישע שפּראַכע אלס מיין נייע השלמה און אנדערסענס „פאָלקסזאַגען“ אלס „נאַגאַרדע.“

דיא הגדתא׳ס פון דער גמרא, אַנדערסען׳ס מעשות און, מעהר וויא אַלץ, קרילאָוו׳ס פאַבעלן, פון וועלכע, לאָזט זיך מיר בעריהמען, איך האָב באַלד געקענט צוויי־דריטעל אויסווענינג, האָבען מיר געשיינט צו ווייזען א וועג. איך דאַרף ווערן, האָב איך צו זיך געזאָגט, א פאַבעל־דיכטער.

וויא אזוי דאָס האָט זיך שפּעטער אויסגעאַרבייט און צו וואָס דאָס האָט געפיהרט וועל איך רעדען אויספיהרליך אין מיינע אַללגעמיינע עראינערונגען, אויב איך וועל ווערן אלט און פריי גענוג זיי צו בעשרייבען. דאָ וועט גענוג זיין צו זאָגען, אז אזוי בין איך ארויסגעפאָהרען אויף דעם ליטעראַרישען וועג: א סאַטיריקער מיט א נייגונג צו פערזען (על פי קרילאָוו) און מיט א שטרעבונג זיך אויסצודריקען קאָררעקט, וויא דאָס מוז זיין ביי א „דרייצעהן־יאָהריגען וויל־זיין־א־שרייבער, וועלכער האָט אין זיך דיא גראַממאַטיק פון צוויי שפּראַכען און א פאָטער׳ס פיינע מליצה אין איינע פון זיי.

ארום יענע צייט האָב איך אָנגעהויבען צו לעזען רוסישע צייטונגען: צוערסט דעם „גאָלאָס“, וועלכער האָט דאַן געהאַט ביי אונז א שם פאַר אן אַנטיסעמיט און דאַן דיא פּעטערסבורגער „בירזשעוויא וויעדאָמאָסטי,“ אין וועלכע דער היינטיגער יודענפרעסער סואוואָרין האָט זיך געמאַכט א נאָמען אלס פעליעטאָניסט, זיך אונטערשרייבענדיג „ניעזנאַקאָמיעץ.“ רעגעלמעסיג אָבער האָב איך אָנגעהויבען צו לעזען דעם „המגיד.“

אין דעם יאָהר 1870 אין ווילנא, וואו איך האָב זיך פאַרבערייטעט צו דער ראַבבינער־שול, בין איך איין טאָג בעקאַנט געוואָרען מיט א דייטשען שריפטשטעללער, וועלכער האָט אויף מיר געהאַט פיעללייכט דעם גרעסטען איינפלוס אין מיין לעבען. דאָס איז געווען לודוויג בערנע, און צו פערדאַנקען האָב איך דאָס רעקלאַם׳ס פאָלקס־ביבליאָטהעק. דער ניעדריגער פּרייז (א קאָפּיקעס צעהן) הגם דאַן א גרויסער טהייל פון מיין פערמעגען, האָט מיר געגעבען די מעגליכקייט צו קויפען „דאס טאַגעבוך אויס זאָדען“ און אזוי וויא צום עקזאַמען (צום דריטען קלאַס) האָב איך סאַיי־ווי־סאַיי געמוזט „זוברעווען“ דייטשע גראַממאַטיק און לעזען דייטש, האָב איך שוין פאַר איין גאַנג (ניט גאָר אָהן מאַטערנים) געלעזען בערנע. לאָמיך דאָ גלייך זאָגען, אז א האַלב יאָהר שפּעטער האָב איך ביי א בעקאַנטען אין קאָוונא געפונען דעם גאַנצען בערנע און בין געוואָרען א ליידענשאַפטליכער בערנעיאַנער, דאָס הייסט א יונגער מענש, כמעט נאָך א קינד, וועלכער האָט אומעטום און אין אַלץ, אין חלום און אויפ׳ן וואָהר געזעהן אין פייערדיגע, ליכטיגע, אונאויסלעשליכע אותיות דעם גרויסען, הייליגען וואָרט: פרייהייט.

ביסלעכווייז בין איך בעקאַנט געוואָרען מיט דיא רוסישע ליטעראַטור און ווען ניט בערנע וואָללט פּיסאַרעוו זיכער דאַן געוואָרען מיין גאָט, אָבער זיין איינפלוס איז אזוי אויך געווען שטאַרק אויף מיר. איך האָב געלערנט, געלעזען און געשריעבען, האָפענדיג צו דערגרייכען דיא מדרגה פון א שרייבער: צו ווערען א מענש וואָס לערנט מענשען זיין פריי... דריי ליטעראַטורען זיינען פאַר מיר דאַן שוין געווען אָפען.

א שרייבער! אברהם מאַפּו — אונזער מאַפּו, דער קאָוונער מאַפּו, וועלכען איך האָב נור איינמאָל געזעהן, ער און בערנע, און גאָגאָל, און קרילאָוו, און שיללער, און אנדערע האָבען מיר אַלץ געשוועבט פאַר דיא אויגען, און דאָ קומט אַלע וואָך אין שטוב אריין דער „המגיד“, אין וועלכען מענשען שרייבען וואָס זיינען גאָר ניט אזוי איי־איי־איי. א שרייבער! איך מוז ווערן א שרייבער!

אינצווישען איז אין מיר פערגאַנגען א מערקווירדיגער קאַמפף, וועלכער האָט געדויערט גאַנצע פיער יאָהר און וועלכען מיר וואָלט זיך זעהר וועלען בעשרייבען באריכות. אין צוויי ווערטער איז דיא מעשה געווען אזוי:

איך בין צו פונפצעהן יאָהר געווען א ליגנער, א שטיקעלע גנב און א פעלשער. חוץ דעם האָב איך ליידענשאַפטליך געליעבט געלד, אזוי ליידענשאַפטליך, אז איך פלעג רק האָפען, אז אימיצער צו ווענמען מען פלעגט מיך שיקען וועט מיר איבערגעבען אן אסיגנאַציע, אָדער אז איך וועל קענען ווענמען עס איז אָבנאַררען.

איך האָב זיך געשעהמט פאר בערנע און פאר מיין אייגענע פריהייטסליעבע, פאר מיין צוקינפטיגען נאמען אלס שרייבער, אָבער דיא לוסט צו געלד איז געווען גרויס און אין מיין ברוסט איז פאָרגעגאנגען אַ מורא'דיגער, שטיר־מישער קאמפף.

אייגענטליך טו איך זיך א שטיקעלע אונ־רעכט ניט דערצעהלענדיג דיא מעשה אין גאנ־צען, ווייל מיין אונערהליכקייט פון יענער צייט האָט אַ גוטע זייט, אָבער איך מוז וואָס גיכער קומען צום עיקר.

דער קאמפף האָט זיך געענדיגט מיט א זיעג איבער מיין פערגאנגענהייט: אין אָריאָל, וואו איך בין אין דעם יאָהר 1873 צום ערסטען מאָל בעקאנט געוואָרען מיט דעם וואָרט סאָציא־ליזמוס און מיט דיא שריפטען פון טשערני־שעווסקי. דיא רעאקציאָן געגען מיין אונעהרליכ־קייט האָט אָנגענומען דיא געשטאַלט פון א פאנאטישען, כמעט לעכערליכען שטרעבען צו זיין עהרליך, אזוי עהרליך, וויא, למשל, דיא באַ־בע צלה, ארום וועלכע איך דערשטיק דאָ א פערלאנג צו שרייבען, אזוי עהרליך וויא דער פאָטער מיינער.

עהרליכקייט איז מיר געשטאנען פאר דיא אויגען אין אזא געשטאַלט, וועלכע מוז זיין אונבעגרייפליך פאר מענשען, וועלכע האָבען צו 15 יאָהר ניט בעטראָגען דיא רעגיערונג אין געלד, ניט צו 16 יאָהר א פּריוואטמאַן, פּשוט פעלשענדיג א וועקסעל, וויא איך, האָב גע־טאָן.

דאָ ליעגט דער שליסעל צו מיין גאנצע קאַ־ריערע, און דער ענטפער אויף דיא פראגע מכח דיא צערשטערטע וועלטען.

עהרליך זיין! דערצו איז נאָך געקומען די באזאראָוושטינא, דער אמאָליגער „ניהיליזמוס“, דיא אללגעמיינע טיעפע פעראכטונג צו „קאריע־רען“, צו געלד־מאכען.

און ווער רעט נאָך וועגען געלד מאכען פון שרייבען! ווער, האָב איך געקלעהרט, קען שריי־בען פאר געלד און זיך רופען אַ עהרליכער מאַן? ווער... נור לאָז זיין געגנוג.

בקיצור, דער יונגער מענש, וועלכער איז געשטאנען א שפּאַן פון טורמע, וועלכער האָט מיט איין שפּריז געקענט אריינגעהן אין דעם אָבגרונד פון פארברעכעריי, איז נאָך א שווערען קאמפף געוואָרען א אידעאליסט פון עהרליכ־קייט. דיא רעאקציע איז געווען א נאַטירליכע.

דערביי אָבער האָט מיין אימעמר עהרלי־כער, אימעמר וואהרהייטס־ליעבענדער, אימער זויבערער פּאָטער פערדיענט פּינף רובעל א וואָך און דערפון האָט מען געגעבען יעדען אָרעמאַן, און דערביי איז דיא ציעג'ס וועטשערע, דיא קאַטיז'ס מילך אימער וויכטיגער געווען וויא זיין אייגענע צוויי מאָל עסען...

מען האָט געדאַרפט אלליין פערדיענען צום לעבען אין מיטען קאמפף, נאָך דעם קאמפף און אפילו שוין רעדענדיג וועגען דיא סאָציאלע רע־וואָלוציאָן. און א שרייבער וואָס פערדיענט שרייבענדיג איז א לומפּ; מוז מען אלזאָ טאָן אנאנדער זאך צום פערדיענען א לעבען.

דאָ פאנגט זיך אָן דיא טראגעדיע פון מיי־נע ציפּפערן, וועלכע האָבען אויפגעגעסען א שעהן ביסעל פון מיינע „ליטעראטור,“ אללע מיינע טעג.

דאָ פאנגט זיך אָבער אויך אָן דיא אונאָב־העגגיגקייט, דיא מעגליכקייט צו שרייבען יאָה־רען און יאָהרען אָהן א געדאנקען וועגען געלד.

אין דיא און אין יענע ליעגט דיא ערקלע־רונג פון מיינע צערשטערענדע בעשעפעניסען: דיא ערקלעהרונג, איז איינפאך דיעזע:

אזוי וויא איך האָב אימער געמוזט פער־דיענען מיין חיונה פון אנדערע זאכען, האָב איך אלליין אייגענטליך קיינמאָל קיין זאך ניט בע־שאפען. יעדענפאללס בין איך (חוץ אין דעם פאלל פון דעם באָסטאָנער „אמת“) קיינמאָל ניט געווען קיין איננעווענינגסטער מענש, וואָס דערפאר האָב איך קיינמאָל ניט געהאט קיין אמת'ע דעה אין קיינע פון „מיינע“ ליטעראַרי־שע אונטערנעהמונגען, אָבגלייך מכּח האָב איך אימער געצאָהלט.

וואָס האָט פּאסירט כמעט אין יעדען איינ־ציגען פאלל איז איצט לייכט צו פערשטעהען.

איך בין געווען איינער פון דיא גרינדער פון דאָס אָדער יענעס.

אין אָנפאנג גרויסער ענטהוזיאזמוס!

אין א ווייל ארום הויבט אָן דער „אינע־ווענינגסטער מענש“ צו ציהען אין אנאנדער זייט, מיר צו מאכען גרעסערע אָדער קלענערע עינויים.

איך האַלט דאָס אויס ביז א צייט.

ענדליך פּלאַצט דיא געדולד.

אראָב פון מארק!

דער „המגיד,“ וויא איך האָב אויבען גע־זאָגט, האָט אָנגעפאנגען אריינצוקומען צו אונז אין הויז אין דעם יאָהר 1870, ווען איך בין אלט געווען אַ יאָהר 14.

אריינגעבראכט צו אונז האָט איהם דיא מלחמה צווישען פּרייסען און פריינקרייך, וויא איהם האָט בעשאפען (אין 1855) דער קרים־קריג. אויב דיא מלחמות וואָלטען ניט טאָן קיין אנדער שאדען וויא העלפען פערברייטען, זאָגאר בעשאפען שלעכטע צייטונגען, וואָללטען זיי שוין דערפאר אלליין געמוגט פערדאַמט ווערן.

אָבער דאָס איז ניט אהין ניט אהער.

דעם „המגיד“ פלעג איך זעהען אללע וואָך און פון איהם האָב איך ערפאַהרען, אז אין „פּאַריז זיינען אויפגעשטאַנען „שרעקליכע מיאַטעזשניקעס“, וועלכע ווילען פון דיא רייכע אוועקנעהמען דיא געלד און צוטיילען. איך ווייס ניט, צו דאָס איז געווען מחמת איך בין דאן געווען „קרימינעל“ געזאָנען, אָדער ווייל איך האָב סימפּאַטהיזירט מיט דיא ארעמע לייט — און איך געדענק ניט אַ טאָג אין מיין לעבען ווען דאָס איז ניט געווען דער פאַל — דיא טהאַטזאַכע איז, אז דיא שרעקליכע פערברעכענס פון דיא פאַריזער מיאַטעזשניקעס האָט מיך איבריגס שטאַרק ניט אויפגערעגט. איך וואָללט איצט פיעל געגעבען צו קענען זאָגען, אז מיין פאָטער האָט סימפּאַטהיזירט מיט דער קאָמונע, אָבער איך האָב שטאַרק מורא אז ניט, הגם אויף קלאָהר ווייס איך עס ניט.

אין אָנהויב איז מיר דער „המגיד“ זעהר געווען צום האַרצען. ער פלעגט ערשיינען אין ליק, אין פּרייסען, וואָס דאָס אליין איז אין קאָוונא געווען ניט קיין קליינינגקייט; „הערסטע ? אַפין טאַייצעסען בוידעם!“ פלעגט מען ביי אונז זאָגען — צווישען דיא עלטערע „מענצען.„

דאן פלעגט מיר געפעלען דער לשון פון די רעדאַקציע אין דיא פּאָליטישע רונדשוי, וועלכע פלעגט טראָגען דיא נאַרישע קעפּעל „על המדינות בו יאמר“ און איך פלעג הנאה האָבען צו זעהן וויא מען פלעגט אויף העברעאיש זיך חכמה'נען מיט גרויסע מלוכות, עפּעס אזוי ווי מען וואָלט מיט זיי געווען זאַ פּאַני־בראַטאַ.

ביסלעכווייז האָב איך אָבער אין דעם „המגיד“ גענומען געפינען חסרונות. דיא קאָרעספּאָנדענצען פון פיעלע שטעדט אין רוססלאַנד און עסטרייך, פלעגען מיר פאָרקומען זעהר רום און פּוסט. זייער אינהאַלט איז געוועהנליך געווען א הספד אויף ערגיץ א גביר, א בעשרייבונג פון א שרפה און עהנליכע זאַכען. דער איינציגער חשוב'ער שרייבער איז אין מיינע אויגען געווען אַ געוויסער פּאָסטעלבערג, וועלכער פלעגט שרייבען פון וויען אליין וואָס פלעגט פּאַסירען אין שטאָקהאָלם אָדער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אָדער אין אנדערע שטעדט, אפשר זאָגאַר אין ניו־יאָרק.

איין טאָג איז מיר איינגעפאַלען דער געדאַנקען צו שיקען א „קאָרעספּאָנדענץ“ אין „המגיד“. אזוי וויא איך האָב דאָרטען קריטיזירט דיא פיהרער פון קאָוונער תלמוד־תורה, דאָס הייסט דיא קצינים, האָב איך געקלערט אז מען וועט עס געוויס ניט דרוקען.

און ווירקליך זיינען אוועק וואָכען און וואָכען און איך פלעג קומען פון דעם שמש פון'ם „נייעם בית־המדרש,“ וועלכער איז געווען דער אגענט פאַר דיא צייטונג אין „ענטטוישטער“ מענש.

וויא גרויס איז דערפאַר געווען מיין שמחה ווען איך האָב איין פרייטאָג געפונען ניט נור מיין אַרטיקעל געדרוקט אָהן דיא מינדעסטע פערקירצונג, נור איך האָב אויך דעמזעלביגען טאָג געקראָגען א בריעף פון דער „רעדאַקציאָן,“ אונטערשריעבען פון איהם אלליין, דעם רעדאַקטאָר, פון אליעזר ליפּמאַן זילבערמאַן, אין וועלכען ער האָט מיך ספּעציעל איינגעלאַדען פאַר איהם צו שרייבען פון קאָוונא און אגב טאַקע צו זעהן צוקריעגען מעהר אבאָנענטען.

דאָס איז וואַהרשיינליך געווען, איינער פון די גליקליכסטע טעג פון מיין לעבען, אפילו דאָס וואָס הערר זילבערמאַן האָט פערגעסען ארויפצולעגען א פּאָסטמאַרקע (א סטעמפּ) אויף דעם בריעף, וועלכעס האָט מיר געקאָסט דאָפּעלטע פּאָרטאָ, מיט אַנדערע ווערטער א פּאָאר פּריהשטיקס, איז אויך געווען א קליינינגקייט, וואָס מען פיהלט אזוי וועניג וויא א מענש וואָס געווינט א גרויסען געווינס אין דער לאָטעריע פיהלט דיא עטליכע עקסטרא־שנאַפּסען וואָס דער קאָלעקטאָר מאַכט אויף זיין חשבון.

מיט א יאָהר שפּעטער (אין 1874) איז געדרוקט געוואָרען מיין שיר: „חזיון ליל פּורים“, אין וועלכען איך האָב געגעבען דיא גאָב אָללערליי המן'ס איניקלאך, צווישען זיי אַ קאָוונער גביר, א מסור און אן אללגעמיין פערהאַסטען קערל. איך האָב איהם נאַטירליך ניט אָנגערופען מיט'ן נאָמען, אָבער מען האָט איהם לייכט דערקענט און דער רעזולטאַט איז געווען, אז פון ראָסיין איז געקומען צו מיין פּאָטער א מאַן מיט א שידוך פאַר מיר: א מיידעל א צאַצקע, נדן אין דיא שווערע הונדערטער אריין, און א שווער א קצין, מיט א הויז — וואָס אידאָ פיעל צו בראַיען ~ א שמאַלץ־גרוב!

צום גליק בין איך געווען אין אָריאָל ווען דאָס גליק האָט מיך געזוכט אין קאָוונא און די צאַצקע האָט גליקליך געמאַכט אנאַנדערן, וועלכער האָט אפשר אויך געמאַכט שירים, אפשר ניט ערגער וויא מיינע.

נאָך דעם געדיכט האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבייט און עס זיינען באַלד ערשיענען אין דיא זעלביגע צייטונג א שיר: „תהפּוכות העתים,“ נאָך איינער: „דברי קהלת“ און אפשר נאָך איינער, איך געדענק ניט.

צו מיר האָט פאַר זיי טאַקע געקומט צו ווערן א ראָסיינער אידעם, ווייס איך ניט, אָבער ביי זיך בין איך געוואָרען א גאַנצער האָהן. (פּאָרטזעצונג אין נעכסטען נומער.)

איהר סוד.

(א היימיש ליעדעל.)

דער טאטע שלאָפט, דיא מאמע שלאָפט,
עס שלאָפען אלע קינדער.
נאָר ביילעניו, זי ליגט און טראכט
פון קאָפּעלען אצינדער.

א וואזשנער בחור קאָפּעלע,
א פלינקער יונג, א גבר,
ביי שאמשען שוסטער ארבייט ער
אין הויף פונקט גענען איבער.

פון קיכען־פענסטער זעהט זי איהם
דאָרט זיצען א פּערטיעפּטען,
און פלייסיג שפּרינגט דאָס העמערעל,
און קלאפּט און שלאָגט די שטיפּטען.

און אָפט צולאָזט זיך קאָפּעלע
אין הארצעדיגע ליעדער.
א קול האָט דאָס דער קאָפּעלע
צוגעהט אין אלע גלידער.

זי קוקט אויף איהם און קלעהרט דערביי,
א יתום מן־הסתמא,
א יתום און א עלענדער,
און ס'רייסט איהר די נשמה....

נו נו, א קול האָט דאָס דער יונג,
דאָס הארץ ווערט פראָסט צוריסען—
אוי, ווערה, זאָל טאטע מאמע כאָטש
דעם סוד זיך ניט דערוויסען.

אוי, טראָגען וועט זי שטיל דעם סוד,
בעגראָבען טיף אין הארצען.
א שוסטער־יונג! — זי וועט דאָך זיי
די פּנים'ער פערשווארצען.

און ביילעניו, זיא ליגט פערטראַכט,
דאָס הארץ איהר'ס אין איין נאָגען;
עס דאכט זיך איהר, ווי קאָפּעלע
וואָלט שטיפּטען דאָרט געשלאָגען...

זי הערט אין הארץ דאָס העמערעל
עס קלאפּט, אלץ שטארקער, גיכער,
ס'איז קאָפּעלע, ס' איז קאָפּעלע!
זי ווייס זי ווייס עס זיכער.

און פעסט צום וואנד דריקט זי זיך צו,
און בעט מיט הייסע טרעהרען.
אוי קאָפּעלע! ניט קלאפּ אזוי,
דיא מאמע קען דערהערען!....

יאָנקערס, נ. י. ה. רויזענבלאט.

אויף'ן וועג.

אין דעם גרויסען בית הקברות
פון זכרון,
האָב איך יעצט ארייננעגראָבען
נאָך א—נ—ארון.

און אויף עביג אין דעם ארון,
אין דעם קאלטען,
האָב איך גרויסע, הייליגע מתים
יעצט בעהאלטען.

אך, עס ליעגט דיא היימאט מיינע,
מיט דיא יאָהרען
פון מיין קינדהייט, פון מיין יוגענד
אין דעם ארון.

מיט מיין קינדהייט, מיט מיין יוגענד
פעסט פערבונדען,
האָב איך דאָרט ארייננעשלאָסען
שיינע שטונדען.

אך, איך האָב יעצט אין דעם ארון
טיעף בעהאלטען,
אויך פון פריינד, פון ליעבע, טרייע
דיא געשטאלטען.

ליעבע מתים, הייליגע מתים!
וויא פיעל גליקען,
האָט איהר מיר אמאָל געגעבען
צום דערקוויקען!

וויא פיעל טרייע ליעבשאפט האָבען
מיר גענאָסען,
און איך האָב אייך יעצט אין קבר
איינגעשלאָסען?!

אך, איך שטעה אויף אייער קבר
זיך צו שיידען,
און מיין הארץ איז פול מיט טרויער
און מיט ליידען.

איך געדענק דיא טעג וואָס זיינען
אונז פערפלויגען,
און עס קייקלען זיך מיר טרערען
פון דיא אויגען.....

דר. א. ש. שווארץ.

שלום אש.*)

פון ח. אלע קסאנדראָוו.

ווען דער מינסקער פערלאג „קולטור" וועט נאָר זיין ביכולת אויסצופיהרען אַלע זיינע אָנגעצייכענטע און אגב אורחא אויסגעצייכענטע פּלענער, וועלען מיר זיך איה"ש אין גיכען מן הסתם דערוואַרטען אויף אַ גאַנצע אויסגאַבע פון דאָס בעסטע, וואָס שלום אַש האָט אָנגעשריבען אין אידיש. נאָך'ן איינגעטהיילטען פּלאַן נאָך, דאַרף דיא אויסגאבע פערנעהמען זיבען בכבוד'יגע ביכער. לעת עתה איז אַרויס פון דרוק דאָס ערשטע בוך, אַ זאַמלונג פון בילדער פון רוסיש־פּוילישען קליין־שטעטעלדיגען לעבען, אונטער'ן נאמען „אַ שטעדטיל". אויב יעדעס בוך פון דיא איבריגע זעקס זאָל זיין אַפילו אַזוי מאָגער וויא דאָס ערשטע, וועט דער אידישער לעזער בעקומען פאר אַ מתנה אַ היבש ביסעל לעזע־שטאָף, אַ קימא לן פון טויזענד זייטלעך.

שלום אַש איז פערעכענט צווישען דיא יונגע שרייבער אונזערע. אָבער יונג איז ער אַ פנים נאָר אין יאָהרען, ווייל אָנגעשריבען האָט ער, וויא עס ווייזט אויס, לגנאי זאָל איהם דאָס נאָר ניט זיין, אַ סך מעהר פון אַ פולע „אלטע". פאר דיא פאָאר יאָהר, וואָס ער שרייבט, האָט ער אונז געגעבען אַ גוזמא סקיצען און ערצעהלונגען, קורצע און לייגגערע, און אפילו גאַנצע פינף דראמען, פיער פון זיי — דריי־אַקטיגע.

פון אַ פולע שרייבען, וויא פון איילענים, קומט קיין גוטס ניט אַרויס, און פערשטעהט זיך, אַז ניט יעדעס ברעקעלע, וואָס שלום אַש האָט געלאָזט אָבדרוקען, איז דוקא אַ מייסטערווערק. מילא, דעם דאָזיגען חטא געפינט מען ביי גרעסערע שרייבער פון איהם, אפילו שוין גאָר גרויסע און וועלט־בעריהמטע, וויא כדומה טשעכאָוו און דע־מאָפּאַסאַן. זיי האָבען אויך אָנגעשריבען אַ ים, און אַ היבש ביסעל אין דעם ים האָט דיא ליטעראַטור ניט רייכער געמאכט ניט אויף אַ האָאר.

אין דעם בוך, וואָס עס ליגט איצט פאר אונז, זיינען אַריינגעגאַנגען ווערק, פערפאסט אין אַ משך פון עטליכע יאָהר. דער שרייבער האָט געמאכט אַ גרויסען חסרון, וואָס אונטער יעדער בעזונדערן בילד האָט ער ניט אַוועקגעשטעלט אַ דאַטום. ער וואָלט אונז דעמאָלט געגעבען דיא מעגליכקייט צו זעהן, אין וואָס פאר אַ מאָס עס האָט זיך ענטוויקעלט דער טאַלענט פון'ם יונגען שרייבער — פון איין ווערק ביז'ן צווייטען, פון זיינע ערשטע דיכטער־יאָהרען ביז דער לעצטער צייט. אַ שאָד, כ'לעבען אַ שאָד, וואָס קיין דאַטען זיינען ניטאָ. נאכצופאָלגען דאָס שפּרייזען פון אַזאַ זעלטען בעגאבטען קינסטלער איז איבערהויפּט אינטערעסאנט. אָבער אַ חוץ דעם וואָלט מען אפשר פאָרט געקענט מיט מעהר אָדער וויניגער זיכערקייט נביאות זאָגען, וויא וויט אַש וועט אַוועקשפּרייזען אין זיין קונסט. אויך וואָלט ניט געווען אַזוי שווער צו בעשטימען, וואו עס איז דער גרעניץ פון זיין דיכטען און שאפען.

ווען עס זאָל זיין רעכט צו כאַראַקטעריזירען אַש'ן מיט עטליכע געפליגעלטע ווערטער, האָבען מיר געדאַרפט אַזוי זאָגען: דעם יונגען שרייבער'ס נשמה פלאַטערט צווישען צוויי וועלטען — דער רעאַלער וועלט פון איין זייט, דער וועלט פון זיין קליין שטעדטיל, דער פעראָרימטער און פער'חושך'טער אידישער גאַס, דעם האַלב־פינסטערן בית־המדרש, פון וואנען עס רייסען זיך תמיד וויינענדיגע נגונים, בקיצור דער וועלט פון „אַלטע פערטרויערטע נשמות, אין וועלכער זיין אייגענע נשמה איז אָנגעבונדען", — און פון דער צווייטער זייט דער לופט־וועלט, אַ וועלט פון פאַנטאַסטישע זעהונגען, פאַרבען און קלאַנגען, וואָס עס קענען נאָר פיהלען זיינע, דעם קינסטלערס, מאָדנע־פערפיינטע חושים. און וואָס מעהר: ביי אַש'ן איז דיא דאָזיגע לופט־וועלט אויך אַזוי רעאַל, וויא יענע. ער שמועסט זיך דורך מיט דער לופט, ווי ער טהוט דאָס מיט זיינע אידען אין שטעדטיל, און קען און פערשטעהט און שפּירט אַלע איהרע געפיהלען, אַלע איהרע גיינג, וויא דיא גיינג און דיא געפיהלען פון ר' מתתיהו חרון אָדער נאָטע דעם פערד־יונג. אַש'ן פעהלט קיין מאָהל ניט דער אדלער־מוטה אום זיך אויפצוהויבען אין דער הויך, צו זיינע פערטרוימטע און אין זילבער איינגעפּאַסטע וואָלקענס, נאָך וועלכע ער האָט דיא גאַנצע יוגענד זיינע שמערצליך געגאַרט, געביינקט. וואָס עס פעהלט איהם אַמאָל יאַ — איז דיא שטייפקייט פון דיא פליגלען, אָבער זיכערקייט אין זיך — לחלוטין ניט. און ביי יעדער געלעגענהייט טראָגט ער זיך אַוועק אַהין אויבען, וואו ער שוועבט צייטענווייז גאָר הויך, און צייטענווייז גאָר נידריג, פאַזע דער ערד. און ווען ער געפינט זיך אפילו אויף דער

*) אַ שטעדטל. פון שלום אַש, פערלאג „קולטור". מינסק.

ערד, צווישען דיא מענשען פון זיין שטעדטיל, דוכט זיך עפּעס אָב, אַז אָט ־ אָט לאָזט ער פאַנאַנדער דיא פליגלען און — שוין ניטאָ, נעלם געוואָרען. אַ ברעקעל פון זיין נשמה בלאָנקעט תמיד אַרום ערגיץ ווייט פון דער רעאַלער וועלט: זיא איז דאָס צו גאסט ביי דער יוגענד ־ געליעבטער, דער לופט ־ וועלט.

און אפשר דערפאַר טאַקי, וואָס אַש איז קיין איינציג מאָהל ניט אין אַלעמען אויף דער ערד, ווייס ער ניט פון דער הויפּט־חולאת פון דיא ערד־מענשען — האַמלעטיזם, גריבלעריי. ער איז אויף אַזוי פיעל צונויפגעמישט מיט דער זונן, און מיט דיא בוימער, און מיט'ן מאָרגען־וואסער, טהוי, און מיט'ן וואלד־גרעזעל, און מיט'ן וואַסער, און מיט דיא „העל זילבערנע נגידיש־חסידישע וואָלקענדלעך“, אַז ער קען באין אופן ניט פיהלען קיין שום פּערזענליכע ענטוישונגען. און אין דער אמת'ן, וואָס קען איהם אַ שטייגער אָנגעהן, דאָס אימיצער, לאָמיר זאָגען, דער בעסטער פריינד זיינער, האָט ביי איהם אויסגענאַרט אָדער מיט געוואלד אָבגענומען דעם געלעגער? אַז אָט שפּרייט ער אויס דיא פליגלען און פליהט אַוועק אין זיין לופט־וועלט, וואו מען דאַרף איבערהויפּט קיין שום געלעגערס ניט האָבען, וואו מען פערגעסט אָן אַלע קליינליכע וועלט־עסקים, אָן אַלע פאַלשע פריינד. עס קען זיין, אַז דאָס איז דיא סבה, וואָס אַש זאָגט אייך קיין מאָהל ניט אויס זיינע צרות, לאָזט אייך ניט טרעפען אפילו דיא פּאַסירונגען פון זיין אייגענעם לעבען. נישקשה, ער האָט בילכערע פון אייך פאַר וועמען זיין האַרץ אויפצודעקען — דאָס ווינטעל, דעם טהויוואָלקען, דיא בלאַסע לבנה, דעם שטילען זומערדיגען הימעל אין אַ שבת פאַרנאַכט. וואָס פאַר אַ טרייסט, אימשטיינס געזאָגט, קען ער זיך דערוואַרטען פון אייך? ערד־ווערטער פון ערד־מענשען, און מעהר ניט. און זיין פער'חלש'ט האַרץ פאָדערט טרייסט־ווערטער פון דער לופט־וועלט, און על כל פנים נאָר זיא איינע קען שטילען זיין טיעפע, טיעפע בייטקענים.

שלום אש.

„א שטעטדטיל" — דאָס איז, וויא מיר האָבען שוין אויבען בעמערקט, א שורה בילדער פון רוסיש־פּוילישען קליין־שטעטעלדיגען לעבען פאַר דער רעוואָלוציאָן. מיר זאָגען פאַר דער רעוואָלוציאָן, ווייל וויא קליין עס זאָל ניט זיין דיא ווירקונג פון רעוואָלוציאָנערען שטראָם אויף אש'ס שטעדטיל ערגיץ אין טיעף פּוילען, האָבען דאָרטען דאָך געדאַרפט פּאַרקומען וויכטיגע ענדערונגען אין דעם טאָג־טעגליכען וואָכעדיגען לעבען. וויינינגסטענס האָט דיא רעוואָלוציאָן די מענשען פון שלאָף אויפגעוועקט, זיי געצוואונגען ארויסצוקוקען פון דיא לעבער זייערע אויף דער פרייער וועלט, און זיך צוהערען מיט אַן אַנגעשפּאַנטען אויער צו דיא נייע קלאַנגען און קולות, וואָס עס האָבען זיך פון דער וויטענס געטראָגען צו זיי.

צווישען זיך זיינען דיא בילדער פערבונדען אַריסעל אויף א געצוואונגענעם אופן דורך איין צענטראַל־פיגור — דעם גרויסען גביר און האָלץ־הענדלער ר' יחזקאל. אגבאורחא ווען מיר שוין בעמערקען, אז דער דער ר' יחזקאל שפּיעלט א מאָגערע ראָליע אין דיא בילדער; עפּיס מאָדנע בלייך איז ער ארויס, מיט ווייניג בלוט, מיט ווייניג לעבען. ניט וואָס מען זאָל איהם חלילה ניט זעהען אָדער ניט הערען. ניין, דאָס גראָד ניט. קיין קאַליקע איז ער ברוך השם ניט און קיין שטומער אויך ניט. ווערטער זשאַלעוועט אש איבערהויפּט ניט, און ר' יחזקאל, וואו ער דאַרף, רעדט ער, און רעדט געשמאַק. אָבער איהר פיהלט איהם ניט. איהר פיהלט ניט דעם ריהר, דעם גאַנג, דיא געמבע פון א מענשען מיט א ברייטער דעה, מיט א ווילען, מיט עקשנות, בקיצור איהר פיהלט ניט דעם אידישען גביר. אין „שטעטטיל" זיינען בכלל ניטאָ קיין שטאַרקע כאַראַקטערען, בולט און זאַפטיג געמאָלענע. דאָך זיינען דיא איבעריגע אַלץ בעוועגליכער פון ר' יחזקאל'ן, אַן וועמען, דעם אמת געזאָגט, פערגעסט מען זיך אָפּטמאָל גאָר אין גאַנצען.

אין „שטעטעל" טרעט ארויס פאַר אייך שלום אש מיט אַללע זיינע מעלות און חסרונות. און חסרונות האָט ער; ניט א סך און ניט געפעהרליכע, אָבער זיי זיינען דאָ. דער טאַלענט זיינער, נאָך אַלעמען, האַלט ערשט אין פּאַנאַנדערוויקלען דיא פליגלען, אין רעכטען אויפבליהען. און אויב דיא פערפלוכטע אומשטענדען פון אידישען שרייבען זאָלען נאָר ניט אונטערהאַקען די יונגע פליגלען פאַר דער צייט, וועט זיך פון איהם זיכער ארויס וויקלען גאָר א גרויסער אָריגינעלער קינסטלער. דער סטיל איז אומעטום אַן אויסגעצייכענטער, אָבער שוין צו פיעל געפּוצט אין סימבאָלישע פעדערן. נעהמט למשל אזא זאַץ: "צווישען דיא טונקעלע פאַלדען פון דיא פעלצען (ביי דיא אריינגעקומענע) האַלט זיך נאָך אויף דער טונקעלער סוד פון דער נאַכט, וואָס זיי האָבען מיט זיך מיטגעבראַכט„ (זייטע 3).... נו, וואָס, זייט מוחל, וועט דאָ פערשטעהן א פּראָסטער מענש, דער מאַסאָוואער לעזער? א פּאָר אויגען וועט ער אויסגלאָצען, מיט דיא פּלייצעס קוועטשען. די מאַסע נעהמט איבערהויפּט ניט אָן קיין סימבאָליזמוס. און ס'איז כלעבען א שאָד, וואָס שלום אש האָט א נייגונג, און א גאַנץ שטאַרקע, צו סימבאָליסטישע פערדרעהעניסען. גראָד ער, וואָלט זיך וועלען, זאָל אָט דיא נייגונג ניט האָבען, ווייל צווישען די אידישע שרייבער איז ער אייגענטליך כמעט דער איינציגער, וועלכער וויים ווי צו מאָלען די נאַטור. און מאָלען מאָלט זי גערן, מיט א הייסער ליעבשאַפט, מיט כמעט א רעליגיעזען געפיהל, און אלע מאָל געפינט ער ביי זיך נייע פארבען פאַר איהר. און אז אונזער זעלטענער נאַטור־מאָלער זאָל אָבשטויסען פון זיך דיא מאַסע מיט „איבער־רעאַלע" ליטעראַרישע פאָרמען, איז טאַקי א גרויסע, א גרויסע עבירה.

און א נאַטור מאָלער איז דאָס, אז מען וואונדערט זיך נאָר, וואו האָט אזא געקענט אויסוואַקסען אין דער פערשטיקטער לופט פון אידישען גהעטאָ. זיינע בוימער אין וואַלד, וועלכע קלאַפּען א צווייג אָן א צווייג און שאָקלען זיך צוזאַמען מיט דער עדה אידען; זיין טויוואָלקען, וואָס האָט זיך צערטליך און מיט מוטער־ליעבע צולעגט אויפ'ן נאָר וואָס איינגעשלאָפענעם גראָז און טוליעט דאָס איין וויא צו בעשיצען און צו בעוואָרענען; זיין הימעל, וואָס לאָזט זיך אַלע אָבענד ארונטער און ליגט געאַרעמט דאָס מיט'ן וואַסער, דאָס מיט דער ערד, און קוסט זיך מיט דער געליעבטער, און ביידע פערגעהען אין בייגקענים, — אַלץ לעבט מיט אַן אמת'ן לעבען, און וואַקסט, און פרייט זיך, און גיסט טרערען פון טרויער, און לויבט דעם בורא, און חבר'ט זיך מיט'ן מענשען, און דערצעהלט דעם שרייבער דיא סאַמע פערבאָרגענע סודות פון דער נשמה. און איהר גלויבט איהם. איהר מוזט איהם גלויבען. ער איז אַליין פער'כשופ'ט און האָט פער'כשופ'ט אייך אויך מיט איהם צוזאַמען.

דורכ'ן גאַנצען בוך ציהט זיך וויא א רויטער פאָדים דיא טיעף־טרויעמערישע שטימונג, וואָס איז אזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם יונגען קינסטלער, עפּעס אַן אונבעשטימטע אונ־

בעגרענצטע ביינקענים. דאָס איז ניט קיין ביינקענים נאָך׳ן אידעאַל, וואָס מען קען ניט דערגרייכען מיט געבונדענע פליגלען אָדער וואָס בייזע מענשען האָבען בעשימפּפט, בעשפּיגען, אונטער די פיס צוטרעמפּעלט. ניין, נאָר אַזוי זיך, וויא אַן ערך דיא ביינקענים, וואָס כאַפּט צופּען אַ בלוט־יונגעס ראָמאַנטישעס האַרץ ביי דעם שיין פון דער בלאַסער לבנה, אין אַ שטילער זומער נאַכט, ווייט הינטער דער שטאָדט. און ניט נאָר דער שרייבער ביינקט, עס ביינקט און טרויערט ביי איהם דיא פער׳יתום׳טע וועלט אַ זומערדיגען פאר נאַכט וויא אַ פּרינצעסין, וואָס איהר געליעבטער האָט זיא פערלאָזען. עס ביינקט און וויינט ביי איהם דאָס גרעזעל אין דער ערד און דאָס בלעטיל אויפ׳ן צווייגעל. עס ביינקען ביי איהם נאָך זיך און נאָך דער וועלט דער טאָג מיט דער נאַכט, וועלכע האָבען זיך ארומגעכאַפּט קוסען אין עק וועלט, וואו דאָס לעצטע רויטע אויג זינקט אין דיא בלויע שווארצע ימים... און אַפילו גאָט ליגט ביי איהם אין אַ געדיכטען וואלד, אין אַ שווארצען מאָנטעל געהילט, און ביינקט נאָך זיך אַליין און נאָך דער וועלט . . .

אַש מוסר׳ט קיינעם ניט; דרשנ׳ט ניט קיין שום מאָראַל, ניט קיין אַלטע, ניט קיין נייע; פּראָטעסטירט ניט געגען דיא בייז פון דער וועלט; קעמפּפט ניט פאר געזעלשאַפטליכע אידעאַלען. ער איז ניט מעהר וויא אַ קינסטלער, אַ דיענער פון דער ריינער קונסט. ער קען מאָלען, האָט חשק דערצו, און מאָלט. און מאָלען מאָלט ער אַלץ, וואָס ער זעהט, מיט דער מאָראַלישער גלייכגילטיגקייט פון׳ם אמת׳ן אין זיין קונסט פערליעבטען קינסטלער. און זעהן זעהט ער טיעף, קלאָר, די פערבאָרגענסטע ווינקעלאַך פון דער נשמה, דערהויפּט פון דער פרויען־נשמה, און נאָך מעהר פון דער ראָמאַנטישער נשמה.

אַ מערקווירדיגען הומאָר בעזיצט דער שרייבער, אַ ווייכען, אַ וואַרימען, אַזוי וויא די בילדער, וואָס ער מאָלט. און עס טראָגט זיך מחמת דעם פון דיא בילדער אַ שטראָם פון שלום אי מיט דער רשעת׳דיגער וועלט, אי מיט דעם פערכמאַרעטען און מיט בליי אָנגעלאָדענעם הימעל.

דיא בעשרייבונגען זיינען עכט־מייסטערשע. און וואו דער דיכטער געפינט ניט ווערטער אין דער אָרימער שפּראַך אונזערער, דאָרטען פערפאַפּט ער זיי אַליין, און דיא נייע געלונגען אויסגעפונענע ווערטער גיבען צו זיין שרייבען אַ מאָדנעם חן. אָט איז למשל, אַ בילד פון ר׳ יחזקאל׳ס מוזיניקעל, דעם כלה־מיידעלאַה׳לע: „פון דיא פרישע גערייטעלטע באַקען האָט דאָס יונגע בלוט אַרויסגעקושט זיך... אַזוי וויא דאָס בלוט פון אַ רויז, וואָס רייטעלט זיך אויף דעם סאַמעט־בלעטעל, ווען דיא זונן גליהט דאַרויף. דיא אויגען שטילע, רוהיג זיינען זיי „פאר זיך׳ איינגעפּאַסט אין דעם ברייטען גרויסען אויגען־לאָך, און דאָס דיניטשקע ציטערנדיגע הייטעל האָט געהיט דאָס אויג. דער „אויבער־שומר״, די שוואַרצע ברעם, וואָס הייגנט אויף דעם ראַנד פון דעם גרויסען ווייסען שטערן, וואָס זעהט אויס וויא אַ מענשען קרוין פון גאָט געשענקט, האָט זיך אין דער שטיל דעם אויג צוגעקוקט און אַלעס דעם אויג נאָכגעמאַכט...״

אין דעם בילד ליעגט דער גאַנצער אַש.

פערשטעהט זיך, אַז ניט אַלע בילדער אין דעם בוך האָבען די זעלבע ליטעראַרישע ווערדע. א פּאָר זיינען אַזוי גוט, דאָס מיט זיי האָט זיך ניט געקענט שעהמען קיין איינציגע ליטעראַטור פון דיא אומות העולם. און אין דער אידישער שפּראַך זיינען דאָס אמת׳ע פּערל. צווישען דיא גוטע וואַרפען זיך נאַטירליך דורך אויך שוואַכערע בילדער, הגם דורכאויס שוואַכע זיינען אין דעם „שטעדטיל״ ניט פאַראַן. אין יעדען בילד געפינט איהר זייטליך, וואָס מען דאַרף אין זיי, וויא ווייבער זאָגען, ממש קושען דיא ווערטער.

צו דיא בעסטע בילדער געהערען „אַ הייזעל ביי דער ווייקסעל״, „אין מיטען וועג״, „דריי חופות״, און „דער מתנגד׳ישער רב און דער חסיד׳ישער רבי״. דאָס ערשטע פון דיא אויסגערעכענטע „אַ הייזעל ביי דער ווייקסעל״ איז אַן אמת׳עס מייסטער־ווערק. און ניט ווילענדיג קלעהרט זיך, בעת מען האַלט דאָס אין לייענען: „אוי, וויא דערלעבט מען שוין צו האָבען אַ סך אַזעלכע אין אידיש!״

דאָס מערקווירדיגסטע אין דעם „הייזעל״ איז דער מאָדנע אויסגעהאַלטענער סטיל. דורך קונציג צוגעקליבענע ווערטער האָט זיך אַש׳ן איינגעגעבען צו בעשאַפען דיא שטימונג פון אונבעוואוסטען טרויער און איינזאַמקייט, וואָס ליגט אין דעם הייזעל און אַרום איהם. דאָס הייזעל גופא, „וויא אַן אַלטער בעל הבית אין תכריכים״, קוקט זיך צו צום פערפראָרענעם טייך און עס שווייגט, ביז דער טייך וועט צו תחית המתים אויפשטעהן... דער הימעל קוקט מיט ליעבשאַפט אויף דער וועלט, וויא אַ טאַטע אויף זיין הויז־געזינד... דיא פעלדער זיינען מיט שנעע בעדעקט און דיא בערג זיינען וויא טויטע ריעזען אין זייערע תכריכים... אין דרוי־

סען אין דיא נאַכט פינסטער אַזוי, אַז עס איז שווער צו גלויבען, אַז אויבען אין אַ הימעל דאָ, און אויפֿן הימעל זאָל נאָך אַ גאָט זיין... פון „איבערפיהרערס“ פערקאַוועטען פענסטערל שי־מערט אַ שטראַהל ליכטיגקייט אַרויס און דרינגט ערגעץ־וואו אין דער וועלט אַריין...

דער טייך שטעהט צום סוף אויף צו תחית המתים. און ער נעהמט ברעכען דעם אוי־בערשטען צודעק זיינעם, און וויא איבערגע־שראָקענע אַנטלויפען דיא אייז־קריעס פון דעם טייך׳ס צאָרן. אַ מלחמה האַלט דאָס וואסער מיט׳ן אייז. „אַ באַרג אייז איז אין מיטען וואַ־סער שטעהען געבליבען. דאָס וואסער האָט גע־מוזט מיט דרך ארץ פאר איהם אָבטרעטען. נאָר באַלד האָבען דיא כוואַליעס וואַסער, וויא זיי וואָלטען זיך איין האַנד געמאכט, גענומען זיך אויף אַמאָהל אין באַרג אַריין און איהם צו־שמעטערט, חרוב געמאכט... און דאָס וואסער האָט דיא שטיקער אייז אין דער וועלט גע־פיהרט, היידא“. . .

אַן אָריגינעלע וועלט־אַנשויאונג שפיגעלט זיך אָב אין אַש׳ס צופעליגע בעמערקונגען. ער רעדט צום ביישפיעל וועגען אַ קבר אין וואַ־סער און זאָגט: „וואָס איז דער אונטערשיעד, צו מיט דער ערד, אָדער מיטן וואַסער אויסגע־מישט צו ווערען? דיא ערד איז טויט, זיא שווייגט תמיד און שטעהט תמיד אויף איין אָרט, דאָס וואַסער לויפט, איילט זיך אין דער וועלט אַריין, עס לעבט כאָטש“... ס׳אַראַ טיעפ־זיניגע ליעבע צום לעבען און צו לעבעדיגס!... ער דערצעהלט פון א מסחר, וואָס צוויי תבואה־הענדלער האָבען געמאכט, און בעמערקט: „ווער ווייסט, וועמעס תבואה פון וועמעס פעל־דער זיינען איצט איבערגעגאַנגען פון איין רשות אין צווייטען?“. . .

דיא אויסגאבע פון דעם מינסקען פערלאַג צייכענט זיך אויס מיט איהר שיינעם אַנשטענ־דיגען פנים. ביז איצט האָט מען וויא ס׳ווייזט אויס געהאַלטען, אַז דיא אידישע שרייבער זיי־נען ניט ראוי צו זעהן דיא ווערק זייערע גע־דרוקט אויף אַ לייטישען אופן. אין „שטעטיל“ איז אַלץ פיין און גוט: דאָס פאַפיער, דער קלאָה־דער שריפט אָהן גרייזען, דער איינבונד, און אפילו דעם פרייז איז אויך צו פערליידען.

פון קאַטאָרגאַ.

פין פעטער יאַקובאָוויטש

פון רוסיש.

פערגעסענע לאַנג און פערלאָזענע שאַכטע,
וואו ס׳האָבען דאָרט נעכטען נור רוחות רעגירט,
וואו ס׳האָט דער געשריי נאָך פון בייזקייט און טרויער
דיא רוהיגע שטילקייט ארום ניט געריהרט —
דאָרט פינקעלט איצט ווידער די ליכט ביי דער ארבייט.
עס פרעסען די האַרץ פון דעם באַרג און עס שלינגען
די שטאָלענע בויערס אָהן אויפהער, אָהן רוה...
עס קלאַפּען די האַמערס אין שטיין און זיי קלינגען,
און ס׳בריאַזגען צום טאַקט צו דיא קייטען די שווערע...
ווער האָט אין פערגאַנגענע צייט דאָ געליטען?
צו איהר, דיא קרבנות פון נויט און פון תאוות?
צו מענשען וואָס האָבען פאר פרייהייט געשטריטען?
דער יאָך איז דער זעלבער!... אלס ברודער אין ליידען,
אלס אייגענע ברידער ערקאָן איך אייך אלע;
איך שיק אייך אָהן אויסנאַהם א גרוס טיעף פון
הארצען,
וואָס זייט אין דעם יאָך אין דעם שווערען געפאַלען!
נייך, ניט אָהן א רושם, האָט איהר אין דעם לעבעדיג
קבר געארבייט אָהן אויפהער, אָהן שיעור:
עס לעבען דאָ איי׳רע גוואַלדיגע ליידען
און שוועבען בעהאַלטענערהייד ארום מיר!

ארעמע רוהות, פערמוטשעטע שאַטענס!
איך גיב אייך א שבועה, א גרויסע, כ׳טהו שווערען
אויסגיסען אין טרויריגען ליעד פון מיין הארצען
גאַר אייערע קלאַגען, און ליידען און טרעהרען!...

י. י. שוואַרץ.

וויסענשאַפט

דאָס לאַכען.

פון א פיזיאָלאָגישען, פסיכאָלאָגישען און פילאָזאָפישען שטאַנדפונקט.

פון דר. ח. ספּיוואַק.

ווען מיר זעהן א קליין קינד אָנגעטהון אין זיין טאַטענס הוט און שטיוועל, קענען מיר זיך ניט איינהאַלטען פון לאַכען. אַז מיר באַגעגענען א מענשען וועלכער רעדט צו זיך אַליין, רופט דאָס ארויס א שמייכעל אויף אונזער געזיכט. אַז איינער טרעט ארויף אויף א באַנאַנאַשאָלעכץ און גליטשט זיך אויס, זעצען מיר ארויס מיט אַ געלעכטער, חאָטש מיר שעהמען זיך פאַר אונזער שוואכקייט. אַז מיר הערען צום ערשטען מאָל דעם וויץ, אַז חייקעל האָט געפרעגט מייקלען: צו ער איז א סאָציאַליסט, אַנאַרכיסט אָדער א טעריטאָריאַליסט? און מייקעל ענטפערט: „ניין איך בין א דאַמסקער שניידער,“ האַלטען מיר זיך ביי דיא זייטען. וואָס אייגענטליך מאַכט אונז אין דיא פערשיעדענע אומשטענדען צום לאַכען? דער שאָקלען זיך פון א שיכור, דער אויסגליטש איבער א באַנאַנאַ שאָלעכץ און דער ענטפער: „ניין, איך בין א דאַמסקער שניידער“ רופען ארויס דיעזעלבע בעוועגונגען אין אונזער געזיכט און קערפער, וועלכע מיר רופען „לאַכען,“ אַלזאָ מוז דאָך זיין עטוואס עהנליכעס, א צד השוה, צווישען דיא דריי פאַקטען.

מיר ווע‌לען צום אַללעם ערשטען בעטראַכטען דעם „לאַך“ פון א פיזיאָלאָגישען שטאַנדפונקט. יעדער האָט באמערקט אַז א געזונטער מענש אטהעמט רעגעלמעססיג — ער ציהט איין דעם אטהעם און לאָזט ארויס דעם אטהעם לייכט, אָהן א שום גערויש. דאָס איינאַטהעמען און דאָס אויסאַטהעמען זיינען כמעט גלייך אין צייט און געהען איינס נאָכ'ן אנדערען כשורה. אַז איינער לויפט, אָדער טראָגט א משא, אָדער געהט באַרג ארויף, ווערט דאָס אטהעמען פאַרענדערט. עס קומט אפטער אַן שווערער און מען קען עס הערען פון דערווייטענס. אַזאַ מענש איז שטאַרק אויפגערעגט, וויא בעת ער איז אין כעס, אטהעמט ער אויף דעמזעלבען אופן וויא ער וואָלט געטראָגען א שווערע משא — געשווינד, רוישיג און שווער.

אַז איינער ליידעט שמערצען, קערפליכע אָדער גייסטיגע, רייסט זיך ארויס א זיפץ אָדער א קרעכץ פון האַרצען. אַז מען איז בודק דעם זיפץ, אָדער קרעכץ, געפינט מען אַז זיי ביידע זיינען א תולדה פון א פערענדערונג פון דעם אטהעם: אנשטאַט דעם רעגעלמעסיגען און גלייכען אטהעמען, ווען דאָס איינאַטהעמען איז טיעפער און לענגער און דאָס אויסאטהעמען שנעללער און רוישיגער, ווערט דערפון א קרעכץ אָדער אַ זיפץ. וויינען, ניעסען, שלוקערצען און גענעצען האָבען אין זיך א צד השוה, אַז זיי אַלע קומען דערפון, וואָס דאָס אטהעמען איז פארשיעדען איינס פון אנדערען. יעדערער קען אויף זיך זעלבסט שטודירען דיא שינויים וועלכע קומען פאָר ביי דיא פערשיעדענע נאַטירליכע קערפערליכע בעוועגונגען.

דאָס לאַכען קומט אויך ארויס פון דער פערענדערונג פון אטהעם. מען קען ניט אנהויבען לאַכען איידער מען טוהט פריהער אריינזופען א טיעפען אטהעם. דערנאָך, אנשטאַט א שטילען, רעגעלמעסיגען און גלייכען אויסאַטהעמען, הייבען אָן ארויסצופליהען פון האלז קורצע, אָבגעהאַקטע שטיקלאך אַטהעם. בעת דער ערשטער שטופע פון לאַכען, אַז מען אַטהעמט א טיעפען אטהעם, ווערט די ברוסט, ברייטער, דיא ריפען צושפרייטען זיך און דער בויך וועלבט זיך אויס, דאָס איז דיא הכנה וועלכע דער קראַפט מאַכט אום צו קענען אויסשיסען מיט א געלעכטער. נאַכהער הייבען אָן דיא ברוסט אין בויך דורכצומאַכען א מין טאַנץ פון צוזאַמענציהעניש וועלכע קומען אין קורצע, אָבגעהאַקטע טהיילען. יעדע צוזאַמענציהעניש פון ברוסט און בויך פרעסט ארויס א טהייל פון דעם קורצען,

אָבגעהאַקטען אָטהעם, וועלכער ווערט פערוואַנדעלט אין לאַכען. יעדערער קען פיהלען דאָס צוזאַמענציהעניש, ווען מען מען טהוט א גוטען לאַך, און מען האַלט די הענט אויף דיא זייטען (וואָהרשיינליך פון דעם נעהמט זיך דאָס ווערטעל: „האַלטען זיך ביי דיא זייטען.") דער קלאַנג פון לאַכען נעהמט זיך דערפון, וואָס דער אָטהעם געהט דורך דיא שטים־בענדלאַך.

וואָס פאַר א אויסערע פערענדערונגען באַמערקען מיר אין א לאַכענדען מענשען? קוקט זיך איין אין זיין צורה: דער מויל איז אָפען, דיא ווינקלען פון מויל זיינען פאַרצויגען ריקווערטס און ארויף, דיא אויבערשטע ליפ איז פאַרריסען, דיא ציינער זעהען זיך ארויס, דיא באַקען בלאָזען זיך אויף, דער נאָז ווערט קירצער און דיא נאָז־לעכער ברייטער, צווישען נאָז און דער אויבערשטער ליפ לעגט זיך א טיעפער פאַלד. דיא אויגען־לעדלאַך מאַכען זיך צו, דיא ברעמען זיינען צוזאַמענגעשנורט, דער שטערען איז גערונצעלט און דיא הויט אויפ'ן רוקען פון נאָז ווערט געקנייטשט. דיא אויגען ווערען עטוואָס פייכטער און בלישצען מיט א זאַנפטען בליק.

דער קלאַנג פון לאַכען איז פאַרשיעדען ביי פאַרשיעדענע מענשען. עס הייננגט אָפּ פון זייער עלטער, טעמפּעראַמענט, געשטאַלט א. ז. וו. — ערוואַקסענע גיבען ארויס אַנדערע קולות איידער קינדער, מאַנסבילען — אַנדערע איידער פרויען. מאַנסבילען לאַכען אויף דער וואָקאַל אָ און א, פרויען און קינדער — אויף דער הברה אי און ע; פיעלע מענשען לאַכען אויף גאַנצע זילבען: טס—טס, איקל—איקל, קי—קי א. ז. וו. אַנדערע געהען דורך דעם גאַנצען טאָן־לייטער פון א פּיאַנאָ ארויף און אראָפּ. מען קען הערען משונה'דיגע קולות, אַזעלכע וואָס דערמאָהנען דאָס קרעהען פון א האָהן, הירזשען פון א פערד, רעווען פון א'ן אָקס און דעם סקריפּ פון פאַרזשאַווערטען שלאָס, און פאַרקעהרט דעם טרעל פון א קאַנאַריק און דעם זיסען קלאַנג פון א זילבערנעם גלעקעל. אייניגע לאַכען מיט דיא אויגען אליין, אַנדערע מיט דעם פּנים און א גרויסע טהייל לאַכען מיט דעם גאַנצען קערפּער — דער קאָפּ טרעסעלט זיך, דיא פּלייצעס שאָקלען זיך, דיא ברוסט ציטערט און אפילו דיא הענד און פיס טאַנצען נאָך אין טאַקט.

פון דער פּיזיאָלאָגישער בעטראַכטונג פון לאַכען זעהען מיר, אז עס איז גאָר קיין נפקא־מינה ניט, צו דער לאַך קומט פון א וויציג־ווערטעל, פון דאָס קאָלען זיך פון א פּאַיאַץ אין צירק אָדער פון די עם־הארצות פון א ישובניק— דער לאַך בלייבט דער זעלבער; ער קומט פון דעם אונטערגעבראָכענעם אָטהעמען, און אין דעם פּראָצעס זיינען זיך מתעסק דיא לונגען, דער גאָרגעל, דיא ברוסט, דער בויך און אַללע אַנדערע אברים, וועלכע זיינען מיט זיי אין שכנות אָדער ארבייטען מיט זיי בשותפות.

אזוי וויא דאָס לאַכען מאַכט דיא לונגען אז זיי זאָלען איינאָטהעמען מעהר לופט און דאָס אויסאָטהעמען ברייננגט אזוי פיעל אברים אין א שטאַרקע בעוועגונג, קומט ארויס דערפון אז דיא בלוט אין קערפּער פליסט שטאַרקער, וויא מען קען זיך איבערצייגען אז מען קוקט אין פּנים פון א מענשען, וועלכער האָט פיעל געלאַכט — דער פּנים, דיא אויגען און דער האַלז ווערען אָנגעגאָסען מיט בלוט. דאָס פאַרשטעהט זיך פון זיך אליין אז דיא בלוט וועלכע פליסט אריין אין געזיכט און אין האַלז קומט דאָך פון אַנאַנדער פּלאַץ פון גוף — דאָס הייסט, אז דאָס לאַכען ציהט אוועק א טהייל פון בלוט פון קאָפּ און פון ברוסט, און פאַרגרינגערט דיא ארבייט פון דיא אברים; דאָס איז אזוי גוט וויא יעדע אַנדערע קערפּערליכע איבונג, א מין גימנאַסטיק. דאָס ווערטעל, אז „פון לאַכען ווערט מען פעט" ענטהאַלט אין זיך א טראָפּען אמת. פון אַלטע צייטען ווייסען מיר, דאָס מען האָט געזאָגט, אז א מאָהלצייט ווערט פאַרדייעט בעססער, ווען מען פאַרברייננגט אין א פרייליכע געזעלשאַפט, וואו מען שיט מיט וויטצען און ווערטלאַך. גאַלענוס, דער טאַטע פון אַלע דאָקטוירים, האָט געגלויבט, אז לאַכען העלפט צו קאַלטע הענד און פיס, מחמת דיא בלוט פליסט שטאַרקער אין דיא גליעדער.

דערווייל האָבען מיר געלערנט דיא אויסערע צורה פון לאַכען. דיא קשיא: פאַר וואָס לאַכען מיר, האָבען מיר נאָך ניט אנגעריהרט.

לאָמיר ניט פאַרגעסען איין וויכטיגען כלל: מען לאַכט ניט פון דער העלער הויט, פון זיך אליין. יעדער געלעכטער ווערט ארויסגערופען פון עטוואָס אָדער פון אימיצען. עס מוז זיין א מענש, א זאַך אָדער א געדאַנק וועלכער רייצט אונז צום לאַכען, מיט איין וואָרט, יעדער לאַך מוז האָבען א סבה. דיא סבות וועלכע רופען ארויס דאָס לאַכען זיינען כמעט אזוי פיעל וויא פיעל זאַכען און געדאַנקען עס זיינען דאָ אויף דער וועלט, וואָרום יעדע זאַך און יעדער געדאַנק כמעט קען האָבען א לעכערליכע אָדער קאָמיישע זייט.

פונדעסטוועגען קענען מיר אַללע סבות וועלכע האָבען א גרעסערע שייכות צווישען זיך רעכענען אז זיי בעלאַנגען צו איין קלאַס. דהיינו:

א) אַלעס וואָס איז זאָנדערבאַר, מאָדנע, משונה'דיג מאַכט אונז צום לאַכען. אז מיר דערזעהען צום ערשטען מאָל א כינעזער מיט א לאַנגען צאָפּ און זיינע משונה־דיגע קליידער,

קענען מיר זיך ניט איינהאלטען פון געלעכטער. אָדער ווען מיר באַגעגענען צוויי מענשען, וועלכע זיינען עהנליך איינס צום אנדערען א. ז. וו.

ב) אַ קארליק, אַ הויקער, אַ מענש מיט א גרויסען נאָז אָדער אָהן אַ נאָז, אַ שטאַמלער (זאַאיקא) רופען אַרויס אַ געלעכטער ביי קינדער. עלטערע מענשען האלטען זיך איין פון לאַכען מחמת רחמנות. דאָס איז א גרופּפּע פון סבות וועלכע מיר וועלען רופען העסליכקייטען אָדער פערזעהענישען.

ג.) מאָראַלישע העסליכקייטען און פערזעהענישען רופען אויך ארויס א געלעכטער. פיעלע פון אונזערע וויציגע ווערטלאך ווייזען אן אויף דיא העססליכקייט פון שכרות, נאַיפות, גאוה, קמצנות, שקר א. ז. וו. אלע שעהנסטע און בעסטע קאָמעדיעס, פון וועלכע מיר האָבען א גייסטיגען פערגעניגען און וועלכע מאכען אונז צום לאַכען ווען מיר באזוכען דעם טהעאַטער, זיינען געגרינדעט מייסטענס אויף אַ שלעכטער מדה.

ד.) קליינע אומגליקען אָדער אונאנגענעהמליכקייטען רופען ארויס א געלעכטער. למשל ווען איהר זעהט וויא איינער יאָגט זיך נאָך זיין הוט, וועלכען דער ווינט האָט אוועקגעטראָגען; צוויי מענשען וועלכע באגעגענען זיך און טרעטען אָפּ דעם וועג איינער דעם אנדערען; ווען איינער גליטשט זיך אויס; א מאן וועלכער טראָגט זיך ארום מיט א זויג־קינד א. ז. וו.

ה.) ניבול־פה, מיאוס'ע ווערטער, איבערהויפּט אללעס וואָס געהערט צום געשלעכטליכען לעבען. מיר מוזען צוגעבען, אז אלע מענשען — מענער און פרויען, ציוויליזירטע און ווילדע, פּראָסטע און געלעהרטע — האָבען הנאה פון ווערטלאך, מעשיות און וויצען, וועלכע אנטפּלעקען דאָס וואָס מיר זיינען געוואָהנט צו האַלטען פארבאָרגען און צוגעדעקט. דיא טהעאטערע און אונטערהאַלטונגס־פּלעצער פון דיא גרויסע שטעדט ציהען זייער פּראָפיט פון פארשטעללונגען, געזענגע און דעקלאמאציאָנען פון וועלכע דער גאנצער תמצית איז געווענדעט צו אָפּפען אָדער אין רמזים צו דיא בעציהונג צווישען דיא געשלעכטען.

ו.) אונוויסענהייט אין פארשידענע פאָרמען. למשל: מען דערצעהלט, אז א רייזענדער איז געקומען אויף א פּלאַץ, וואו מען האָט איהם דערצעהלט אז דאָרט איז דאָ א אויסגעלאָשענער פייער־שפּייענדער בארג (וואולקאן), האָט ער זיך געווארענט און געזאָגט: „סטייטש, מענשען האָבען אזא טהייערע זאך וויא א וואולקאַן און לאָזען איהם גאָר אויסגעהען!" א'ן אפּריקאַנער, וועלכער האָט געזעהען וויא מען האָט אויפגעעפענט א פלאַש שאַמפּאניער האָט זיך געוואונדערט: וויא אזוי מען האָט געקענט ארייננשטופּען אין פלאַש אזוי פיעל שוים. א. ז. וו. ווייטער.

ז) אונפּאסענד. זאַכען אָדער אידעען, וועלכע קלעפּען זיך ניט איינס צום צווייטען. מיר האָבען דערמאָהנט פריהער דעם ביישפּיעל פון א קינד וועלכע טראָגט א גרויסע הוט און שטיוועל, און פארקעהרט, א'ן ערוואקסענער מאן וועלכער טראָגט א קליין היטעלע. זיי מאכען אונז צום לאכען, מחמת דיא גרויסע הוט פּאסט ניט צום קינד, אָדער דער ערוואקסענער מענש פּאַכט ניט צום קליינעם הוט. איין עם־הארץ, וועלכער וויל שפּיעלען דיא ראָלע פון א געלעהרטען. נייע אידעען וועלכע פּאססען זיך ניט מיט אונזערע איינגעוואָרצעלטע, אלטע געדאַנקען רופען ארויס א געלעכטער. ווען דארווין האָט פערעפענטליכט זיין לעהרע, אז מענשען קומען ארויס פון אבעזיאנעס (אפּפען) האָט זיא ארויסגערופען פון איין קלאַסע מענשען צאָרן און פערדרוס, אָבער פון דיא מעהרסטע מענשען נור אַ געלעכטער — דיא גאנצע לעהרע האָט זיך זיי אויסגעוויזען קאָמיש, מחמת עס האָט זיך ניט געקענט פּאַטויפען אין זייער קאָפּ. פערקעהרט, די בעסטע וואפּע פאר דעם שטרייט אנטקעגען פערשימעלטע אידעען איז דער געלעכטער. דיא פריידענקער שטרייטען געגען אלע אלטע רעליגיאָנען מיט דעם וואָס זיי שטעלען זיי פאָר אין א לעכערליכע פאָרמע. דיא פארקעמפּפער קעגען אללע אלטע אפּגעלעבטע און אויסגעוועבטע סאָציאַלע סיסטעמען באנוצען זיך מיט דעם וואָס זיי שטעלען פאר דיא קאָמישע, אונפּאַסענדע זייט פון אזא אוננאַטירליכעו און פערברעכערישען לעבען.

ח.) דאָס לעבען איז אזוי איינגעאָרדענט, אז מענשען האַלטען אין איין שטרייטען איינער מיט דעם אנדערען. יעדערער וויל גובר זיין דעם אנדערען — עקאָנאָמיש, גייסטיג, מאָראַליש, פיזיש. מיר האָבען ליעב צו הערען א דעבאטע וויא איינער גיט דעם אנדערען א גאָב. מיר האָבען הנאה צו זעהען וויא מען שפּיעלט באָלל, וויא מען ראנגעלט זיך — מיט איין וואָרט עס פארשאַפט אונז פערגעניגען צו זעהען וויא איינער איז גובר דעם צווייטען. און אז מען אנאַליזירט אונזער געפיהל, געפינען מיר, אז דיא הנאה קומט דערפון וואָס איינער האָט פארלאָרען, און ניט וואָס דער אנדערער האָט געוואונען. ווען איינער מאַכט דעם צווייטען צום נאַר, שמעלצען מיר זיך פון נחת. ווען מיר דענקען דאריבער זיינען מיר ניט צופריעדען מיט זיך אלליין, אָבער מיר קענען זיך ניט העלפען, דאָס איז דער שטייגער פון דער נאַטור. ביי קינדער

איז דער געפיהל מעהר ענטוויקעלט וויא ביי ערוואקסענע, ביי ווילדע מעהר וויא ביי ציוויליזירטע; אָבער מיר מוזען צוגעבען, אז אלע האָבען אין זיך פון דער טבע.

עס בלייבט אונז צו דערמאָהנען נאָך איין סבה פון לאכען, וועלכע ענטהאַלט אין זיך, פיללייכט דעם סוד פון דעם גאַנצען ענין, אין וועלכע מען האָט ערשט מיט א קורצע צייט צוריק אָנגעפאנגען צו שטודירען, און ביסלעכווייז צו פארשטעהען. איך מיין דאָ דעם געלעכטער וועלכער ווערט ארויסגערופען פון קיצלען.

דיא געלעהרטע, וועלכע האָבען זיך באַשעפטיגט מיט דעם שטודיום פון קיצלען האָבען אויסגעפונען, אז קינדער הויבען אן לאכען אויף דעם דריטען מאָנאַט פון זייער לעבען; אָבער מען קען זיי מאכען צום לאכען שוין אויף דעם צווייטען מאָנאַט פון לעבען, אז מען קיצעלט זיי. אלזאָ, דער לאכען פון קיצלען איז משמעות דער עלטעסטער לאך אין מענשליכען לעבען, און דיא אלע אנדערע פאָרמען פון לאכען האָבען זיך ערשט לאנגזאם ענטוויקעלט פון דעם ערשטען „קיצעלדיגען“ לאך. דאָס לאכען פון משונה’דיגע זאכען, פון א וויץ, פון עם־הארצות א. ז. וו. איז ניט מעהר וויא א מין קיצעל אין אונזער געהירען.

איך וועל איבערגעבען בקיצור איינינגע פון דיא פאקטען וועלכע מען האָט אויסגעפונען איבער קיצלען. אונטער דעם בעגריף „קיצלען“ פארשטעהען מיר א לייכטע בעריהרונג פון קערפער. דורך א שווערען דרוק אויף א קערפער קען מען קיין לאַכען ניט ארויסרופען, דאָס אנריהרען מיט דיא פינגער מוז זיין לייכט, קורץ און אין געשווינד. דער פונקט פון אנריהרען מוז מען בייטען פון איין אָרט אויף’ן צווייטען. דיא טהיילען פון קערפער וועלכע מען ריהרט ניט אן מיט דיא הענד זיינען מעהר „קיצעלדיג,“ צום ביישפיעל דיא פאָדעשווע פון פוס (פוס־זאָהלע) פאכווע (אקסעל־גרוב), דיא דאלאנע פון האנד, דער האלז, דער עללענבויגען א. ז. וו. עס האָט זיך ארויסגעוויעזען, אז אין דעם קיצלען שפיעלט א גרויסע ראָלע דאָס אונבעוואוסטע. דאָס קינד וועט מעהר לאכען אז עס ווייסט ניט וואו און ווען מען וועט עס קיצלען. אז דאָס קינד איז אנגעטאָהן, לאכט עס מעהר וויא עס זאָל זיין נאקעט, אז מען הערט אויף קיצלען און נאכהער הויבט מען ווייטער אן, אָדער אז מען בייט דאָס אָרט פון קיצלען לאכט דאָס קינד מעהר. א ראיה אז דאָס אונבעוואוסטע שפיעלט א גרויסע ראָלע, קען מען דרינגען פון דעם פאקט, אז א מענש קען זיך אליין ניט קיצלען מיט זיינע אייגענע פינגער, אָבער ער קען זיך זעלבסט קיצלען מיט א פעדער. קינדער וועלכע זיינען געוואָהנט צום קיצלען, צולאכען זיך, אז מען פארמעסט זיך נור צום קיצלען, דאָס צייגט וואָס פאר א גרויסע ראָלע דער כוח הדמיון (פאָרשטעללונגס־קראפט) שפיעלט דאָ. דער געלעכטער קומט דאָ ניט פון דעם אנריהרען מיט דיא פינגער, נור פון דעם געדאנק אליין, דיא פאָרשטעללונג קיצעלט דאָס קינד.

דיא פראגע אויב קיצלען איז אנגענעהם אָדער ניט, האָט מען שטודירט פלייסיג און מען איז געקומען צום בעשלוס אז דער געפיהל איז א געמישטער, און ענטהאַלט אין זיך ביידע עלעמענטען, סיי פון פערגעניגען און פון לייד. חאָטש א קינד האָט פארגעניגען פון קיצלען און פיעלע קינדער בעטען זיך, אז מען זאָל מיט זיי שפיעלען און קיצלען, דאָך זעהען מיר, אז בעת זיי לאַכען און האָבען גרייליך הנאה, באראניען זיי, זיך מיט דיא הענד און פיס און שטופען אָפּ דיא הענד פון דעם קיצלער, דאָס צייגט, וואָס פאר א קאמפליצירטער־ געפיהל דאָס קיצלען איז.

מיר וועלען מאכען דעם סך הכל פון דעם וואָס מיר האָבען געלערנט. פון א פיזיאלאָגישען שטאַנדפונקט קומט אויס, אז לאכען איז פשוט א צובראָכענער אטהעם, אז מען קען זיך אנטאָהן א נויטה און צוטהיילען אלע סבות וואָס פערשאפען לאכען אויף איינינגע קלאסען, און אז דער טאַטע פון אללעם לעכערליכעם איז דאָס קיצלען. איך שטעל זיך מיר פאָר, אז איהר זאָגט מיר דאָס וואָס שטעהט אויף’ן טאוועל פון מיין טאַטענס סידור: „שייך, למי שייך למי ששייך שייך, פאָהרט למי שייך...“ טאקע דיא סברה, אז דאָס וואָס מיר לאכען ווען מיר דערזעהען א כינעזער מיט זיין צאָפּ איז א מין קיצעל אונטער אונזער שארבען, אָבער, פאָהרט למי שייך, דיא קשיא פאר וואָס לאכט מען פון קיצלען אונטער דער פאכווע אָדער קיצלען אונטער דעם שאַרבען, בלייבט נאָך אלץ א קשיא.

אין אונזער צווייטען ארטיקעל וועלען מיר ברייננגען דיא מיינונגען פון דיא גרויסע פילאָזאָפען און פסיכאָלאָגען וועגען דעם ענין, און מיר וועלען האָבען דיא געלעגענהייט זיך גוט אויסלאַכען אויף דעם חשבון פון איינינגע פון זייער־ע טעאָריען.

דוד ריקארדא און זיינע טהעאריען.

פון א. ש. זאקס.

1) ריקארדא'ס לעבען און ווירקען.

דוד ריקארדא איז געבוירען געווארען דעם 19טען אפריל 1772 אין לאנדאן, וואוהין זיין פאמיליע האט פריהער אריבערגעצויגען פון האלאנד. זיין פאטער, אן אלט־מאדיש־פרומער איד, איז געוועזן א רייכער, פעהיגער און א מזל'דיגער סוחר, א בכבוד'יגער מיטגליעד אויף דער בערזע, וואו ער האט געהאט צוליעב זיינע פיעלע עסקים א גרויסע דעה. פון זיין זוהן דוד'ן האט דער פאטער אויך געוואלט מאכען א פרומען און אן עהרליכען סוחר, כדי איהם איבערצולאזען בירושה זיין פערמעגען און געשעפט. צו דיזען צוועק האט ער איהם געשיקט אין זיין אמאליגע פאטערלאנד, האלאנד, דארטען צו לערנען און זיך אויסצובילדען אין א קאמערץ־שוהל. דאס איז געווען דיא איינציגע שוהל־בילדונג וואס ריקארדא האט גענאסען.

דיזע קליינע אונבעדייטענדע פאר־בילדונג האט אבער ניט געשטערט דיא מערקווירדיגע פעהיגקייטען, מיט וועלכע דוד איז געווען בעשאנקען פון דער נאטור: דעם שארפען שכל, דעם ענערגישען און דרייסטען פארשען, דער אויפמערקזאמקייט, דעם טיעפען דורך־דרינגענדען בליק בנוגע דיא ערשיינונגען פון לעבען אין דער געזעלשאפט—האט ניט געשטערט צו ענטוויקלען די פעהיגקייטען ביז צו אזא הויכען גראד, דאס זיי האבען ארויסגערופען א אונגעהייערע בעוואונדערונג ניט בלויז צווישען דיא מענשען פון זיין דור, נור אויך צווישען דיא שפעטערדיגע דורות.

כמעט נאך א קינד האט ריקארדא אלעמען איבערראשט מיט זיינע אויסערגעוויינליכע פעהיגקייטען צו חשבון און צום מסחור; און אין'ם עלטער פון 14 יאהר האט דער פאטער זיך אנגעפאנגען צו בענוצען מיט איהם אויפן בערזע. שוין אין דיזע קינדער־יאהרען האט פיעל חריפות, ספעקולאציאנס־פעהיגקייט און א דער קליינער ריקארדא ארויסגעוויזען זייער פרייען, אונערשראקענעם אונטערנעהמונגס־גייסט.

דיזער דרייסטער, פרייער גייסט האט אבער ניט געקענט לעבען בשלום מיט זיין אלט־מאדישען, פרומען, פאנאטישען פאטער, וועלכער איז געוועזן עכט קאנסערוואטיוו סיי אין אמונה־זאכען, סיי אין פאליטישע איבערצייגונגען. בלינד זיך אונטערצוגעבען און טהון א זאך ניט ווילענדיג אהן שכל, האט דיזער אונערשראקענער כאראקטער בשום אופן ניט געקענט. דיא גאנץ פערשיעדענע איבערצייגונגען און מיינונגען פון פאטער און זוהן האבען געפיהרט צו שטענדיגע מחלוקות און האמפערייען. דיזע מחלוקות האבען זיך אזוי פערשארפט, דאס דער יונגער דוד האט געמאכט אן ענטשלאסענעם טריט, דורך וועלכען ער האט אין גאנצען צוריסען דיא פעדעם, וועלכע האבען איהם פערבונדען מיט זיין פאמיליע און נאציאן. דוד ריקארדא האט זיך אבגעריסען פון דער אידישער אמונה און איז געווארען א מיטגליעד פון דער קריסטליכער געמיינדע.

אליין, אבגעריסען פון זיין פאמיליע, אהן שום שטיצע פון זיין רייכען פאטער, האט דוד אנגעפאנגען צו פיהרען מסחרים אויפן אייגענעם נאמען, אונטער זיין אייגענער פירמע. זיין עהרליכקייט און זיין ווייכער, איידעלער כאראקטער האט אין א גאנץ קורצער צייט ערווארבען דיא ליעבע און אכטונג פון דיא אנגעזעהענע מיטגליעדער אויף דער בערזע, וועלכע האבען איהם אנגעפאנגען בעהילפיג צו זיין אין אלע זיינע אונטערנעהמונגען. דיא הצלחה איז געווען אין דוד'ס געשעפטען זעהר גרויס. עס האט ניט לאנג געדויערט ביז וואנעט ריקארדא האט צונויף געקליבען א גרויסען פערמעגען און איז געווארען אין גאנצען זעלבסטשטענדיג.

דער חשק צו רייכטהום אליין האט אבער ניט געקענט דערשטיקען אין ריקארדא זיין שעהנעם, איידעלען כאראקטער, זיין מענשען־ליעבע און דיא איבריגע ווייכע געפיהלען. דיא עשירות האט וויניג וואס בעפרידיגט דעם טיעפזיניגען פארשענדען גייסט, וואס איז בעשאפען געווארען צו עטוואס גרעסערעס, ערהאבענעס. און גלייך וויא נור ער איז געווארען

פעסט אין מעמד, האָט ער זיך מיט גרויס
התמדה איבערגעגעבן דער וויסענשאפט,וואָהל־
טהעטיגקייטען און אנדערע קהל׳שע און פּאָלי־
טישע אינטערעסען.

אין׳ם עלטער פון 25 יאָהר זעהען מיר רי־
קארדא, וויא ער לערנט מיט גרויס ערפאָלג מאַ־
טהעמאַטיק, כעמיע און מינעראלאָגיע, בויט
אויס אויף אייגענע הוצאות א לאַבאָראַטאָריום,
א זאמלונג פון מינעראלען און ווערט איינער
פון דיא אייפעריגסטע און וויכטיגסטע מיטגלי־
דער אין דער געאָלאָגישער געזעלשאפט. צו קיין
וויסענשאפט האָט אָבער ריקארדא ניט ארויס־
געוויזען אזוי פיעל חשק און אינטערעס, וויא
צו פּאָליטישע עקאָנאָמיע, וועלכע ער האָט גע־
לערנט מיט א אויסערגעוויינליכע התמדה און
צו וועלכער ער האָט זיך איבערגעגעבן מיט
לייב און לעבען.

אינטערעסאנט איז דער צופאַל, וויא אזוי
ער איז בעקאנט געוואָרען מיט דיזען צווייג פון
דער וויסענשאפט.

אין 1799 ווען איהם איז געווען 27 יאָהר,
האָט ריקארדא צוליעב געוויסע פאמיליען אנ־
געלעגענהייטען געמאכט א נסיעה. אויף דיזער
נסיעה האָט ער געפונען צופעליג ביי זיינעם א
פריינד, וועלכען ער האָט בעזוכט, איין באַנד
פון אדאם סמיט׳ס „אונטערזוכונגען איבער די
נאַטור און אורזאַכען פון׳ם פעלקער רייכ־
טהום". ווי א דורשטיגער אויף א קאַלטען קוואַל
טהום." וויא א דורשטיגער צו א קאַלטען קוואַל
ווערק, אין וועלכען ער האָט זיך זעהר פער־
טיעפט. וואָס ווייטער ער האָט עס געלעזען, איז
אלץ מעהר געוואקסען זיינע התפעלות און ענט־
ציקונג. פון דעמאָלט אן איז ביי ריקארדאַ אלץ
שטארקער געוואָרען דער אינטערעס אין דיא
אויפמערקזאַמקייט צו דיא ווירטהשאפטליכע
ערשיינונגען.

13 יאָהר פון שטילער און פלייסיגער אר־
בייט זיינען נאָך פארביי ביז וואַנען ריקארדא
האָט פערעפענטליכט זיין ערשטע קליינע ווערק,
„א אונטערזוכונג איבער דיא שייכות פון פּאַ־
פּיער געלד צו מעטאַל געלד".

שוין אין דיזען קליינעם ווערק האָט רי־
קארדא אלעמען פערוואונדערט מיט זיין גרויס
חריפות און טיעפען פערשטעהען פערשיעדענע
ווירטהשאפטליכע ערשיינונגען. אין פערלויף
פון צוויי יאָהר האָט דאָס ביכעל אויסגעהאלטען
4 אויפלאַגען. ריקארדא איז געוואָרען פּאָפּולער,
אלסאיינער פון דיא טיעפזיניגסטע עקאָנאָמיס־
טען. אין אלע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַ־
גען האָט מען זיך אָנגעפאַנגען שטארק צו רע־
כענען מיט זיינע פאָרשונגען און אויספיהרונ־
גען. און אין דיא פּאַרלאַמענטאַרישע וכוחים האָט
מען זעהר אָפט ציטירט ריקארדא׳ס מיינונג.

אין יאָהר 1815 איז געשטאַנען אויפ׳ן
„טאַגעס אָרדנונג" פון ענגלישען פּאָליטישען לע־
בען דיא פראַגע איבער דעם „צאָהל טאַריף אויף
אויסלענדישע תבואה". אלע פּאָליטיקער, גע־
לעהרטע (צווישען זיי אויך **ראָבערט מאַלטוס**)
פון לאַנד האָבען געפיהרט שטארקע און הייסע
וכוחים מכח דעם. ריקארדא האָט, זעלבסט־
פערשטענדליך, ניט געקענט פערשוויינען זיין
אייגענע מיינונג בנוגע אזא וויכטיגען ענין. עס
איז ערשיענען פון איהם א ווערק, וואו ער
טרעט ארויס געגען מאַלטוס, וועלכער האָט פער־
טהיידיגט דיא אבצאהלונגען אויף דיא אריינ־
געפיהרטע תבואות. ריקארדא בעווייזט דיא ניט
ריכטיגקייט פון מאַלטוס׳ס מיינונג און וויא
ווייט שעדליך עס איז פאר דאָס לאַנד פערשיע־
דענע בעגרענצונגען אויף אויסלענדישע סחורות.
מיט א מערקווירדיגער בעלעהרזאַמקייט איבער־
צייגט ער דאָרט, אז יעדעס לאַנד קען נור דאַן
לעבען רייך און גליקליך, ווען עס הערשט דיא
פרייע קאָנקורענץ, ד. ה. ווען מען גיט ניט
קיין פאָרצוג דיא אינלענדישע סוחרים פאר דיא
אויסלענדישע.

נאָך א ווערק איבער א פּאָליטישע פראַגע
איז ערשיענען אין יאָהר 1816.

דיזע אויסגערעכענטע שריפטען, וועלכע
זיינען ארויסגעגעבן געוואָרען איבער פערשיע־
דענע פראַקטישע פּאָליטישע ענינים, האָבען גע־
מאַכט ריקארדא אזוי בעריהמט, דאָס דיא גרעס־
טע געלעהרטע און וויכטיגסטע פּאָליטיקער פון
יענער צייט, וויא מאַלטוס, מילל (דער פאַטער)
און אַנדערע האָבען אָנגעפאַנגען צו זוכען זיין
בעקאַנטשאַפט און התקרבות.

דאָס איז אָבער נאָך ניט געווען אלעס,
וואָס ריקארדא האָט געשאפען! דאָס וויכטיגסטע
איז דאָס בעריהמטע אייביגע ווערק: „די גרונד־
געזעצען פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע און פון
דיא שטייערן" ערשיענען אין יאָהר 1817,
וואו ריקארדא האָט סיסטעמאַטיש, לאָגיש און
קלאָהר קריטיקירט דיא פריהערדיגע שיטות,
איבערהויפּט פערשיעדענע טהעאָריען פון אַדאַם
סמיט, און וואו ער האָט בעגרינדעט מיט א
וואונדערליכער חריפות און עמקות דיא וויכ־
טיגסטע פראַגען פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

אויסער זיין קריטיק אויף דיא פריהערדיגע
אַנשויאונגען האָט ריקארדא בעארבייט זעלבסט־
שטענדיג א נייע פעלד אין דער עקאָנאָמישער
וויסענשאפט: „דיא פערנאַנדערטהיילונג פון די
פּראָדוקטען". דיא פריהערדיגע געלעהרטע, אי־
בערהויפּט אַדאַם סמיט, האָבען זיך כמעט בלויז

בעשעפטיגט מיט דער פראגע פון׳ם שאפען פראָדוקטען, וויא זיך צו „בערייכערן“. דיא פראגע אָבער, וויא דיזע רייכטהום ווערט צו־טהיילט צווישען דיא פערשיעדענע קלאסען אין אונזער געזעלשאפט, איז געווען אָדער גאָר ניט, אָדער שלעכט בעארבייט פון דיא עקאָנאָ־מיסטען. ריקארדא האָט דיזען חסרון מערקוויר־דיג, וויא א אמת׳ער מייסטער, אויסגעפילט.

נאָך אדאם סמיט׳ס „דיא רייכטהום פון די פעלקער“ איז עס דאָס איינציגע אונשטערבליכע ווערק, וועלכעס וועט אויף אייביג בלייבען לע־בען אין דער וויסענשאפט. נאָך׳ן איבערלעזען פון „דיא גרונד געזעצען“ ווערן פערשיעדענע פערבאָרגענע, אונבעגרייפליכע ערשיינונגען ענטפלעקט, ספיקות ווערן בעזייטיגט, פערשיע־דענע ווידערשפרוכען ווערען אויסגעגלייכט. מען קריגט עפעס א נייעם מין פעהיגקייט, דורך וועלכען מען קען אריינקוקען און פערשטעהען דיא פערשיעדענע פערפלאָנטערטע און פער־דרעהטע ערשיינונגען אין׳ם פאָלקס־אָרגאניזמוס. עס איז זעלטען וואו צו געפינען א ווערק אויף דיזען געביעט פון דער וויסענשאפט, וואָס זאָל זיך אויסצייכנען מיט אזא אונגעהייערע טיעפ־קייט, מיט אזוינע שארפזיניגע געדאנקען, מיט אָריגינעלע איינפאַליגע מעטהאָדען, מיט אזא פעהיגקייט פערנאנדערצוגליעדערן און פערנאנ־דערצולייגען יעדע קאָמפליצירטע ערשיינונג אויף איינפאכע דורכזיכטיגע עלעמענטען, וויא אין „דיא גרונד־געזעצען.“ וואָס מעהר מען לעזט, אלס שטארקער ווערט דער אינטערעס און אלס פעסטער ווערט מען דורכגעדרונגען מיט דיא געדאנקען און אויספיהרונגען פון פער־פאסער. וואָס מעהר מען נעהמט איבער זיינע מעטהאָדען פון דענקען און פאָרשען, אלס זיכע־רער פיהלט מען דעם באָדען אונטער זיך און אלץ פעסטער ווערען דיא איבערצייגונגען.

כאראקטעריסטיש איז דאָס ריקארדאָ אַליין, ניט קוקענדיג אויף זיין פאָפולערען נאמען און זיינע פעסטע איבערצייגונגען, האָט ניט גע־גלויבט אין ערפאָלג פון זיין בוך. ער איז גע־ווען זעהר א גרויסער עניו און האָט געהאט וויי־ניג צוטרוי צו זיינע קרעפטען. וועגען דיא שרייבער־עקאָנאָמיסטען, וועלכע שטעהען ניט אין׳ם ערך נידריגער פון איהם אין אלע הינ־זיכטען, וויא צ. ב. דער פראנצויזישער עקאָנאָ־מיסט סעי, וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט, רעדט ריקארדא מיט אזא מין עהרפורכט, אזוי וויא א תלמיד וועגען זיין גרויסען גאונישען רבי׳ן. דאָרטען, וואו ער איז ניט מסכים מיט דיא אויספיהרונגען פון זיינע פאָרגענגער און וואו אנשטאט דיא קריטיקירטע אנשויאונג בויט ער זיין אייגענע טהעאָריע, רעדט ריקארדא אויך מיט א מאָדנע אונזיכערהייט און פחד, ער פאנגט שטענדיג אָן מיט א מין „לולא יראתי“... וואָס איז נור צו ערקלעהרען דורך דיא גרויסע מידות: דיא צניעות און בעשיידענהייט צו שעצען און צו שטעלען דעם צווייטען א סך העכער פון זיך.

דעם ערשיינען פון׳ם דערמאָנטען ווערק האָט דיא וועלט צו פערדאנקען ריקארדא׳ס פריינד און תלמיד דזשיימס מילל, וועלכער האָט דאָרטען גלייך בעמערקט דיא טהייערע אוצרות פאר דיא וויסענשאפט און האָט דורכאויס גע־זעהען דאָס בוך זאָל ערשיינען. אויב ניט מילל ווער וויים, אויב ריקארדא וואָלט זיך בעשלאָ־סען ארויסצולאָזען דאָס גאונישע, קלאסישע ווערק.

נאָך דעם וויא דאָס בוך איז ערשיענען און בעקאנט געוואָרען אין דער וויסענשאפטליכער וועלט, איז ריקארדא געוואָרען געקרוינט, אלס דער מלך פון די עקאָנאָמיסטען. זיין בעריהמט־קייט און פערמעגען זיינען געשטיגען אלס הע־כער און העכער ביז ריקארדא האָט אם ענדע געפונען פאר מעגליך אין גאנצען זיך אָבצוזאָ־גען פון זיינע געשעפטען און אוועקזעצען זיך „על התורה ועל העבודה“, און איבערגעבען זיך נור קהל׳שע און פאָליטישע אינטערעסען, וואו ער האָט געוואָלט פראקטיש דורכפיהרען זיינע וויסענשאפטליכע איבערצייגונגען.

דאָס האָט זיך איהם אויך איינגעגעבען.

אויך אלס כלל טהוער איז ריקארדאָ געווען ביי זיך ארונטער געפאלען און האָט שטאַרק געצווייפעלט אין זיינע קרעפטען. וועגען זיין אויפטרעטען אין פארלאמענט, וואו ער איז גע־ווען א מיטגליעד, שרייבט ער זיינעם א פריינד: איהר וועט מסתמא וויסען, אז איך זיץ אין דער מורא, אז איך וועל דאָ ווייניג וואָס נוטצען ברענגען. איך האָב צוויי מאָל געפּרובירט ריי־דען, אָבער איך האָב גערעדט מיט גרוים צי־טערנים. איך בין שטארק מסופק אין דעם, אויב מיר וועט זיך איינגעבען איבער צו שטאַר־קען מיין שרעק, וואָס מיר בעפאלט, ווען איך הער דעם טאָן פון מיין שטימע.“ און שפּעטער שרייבט ער: „איך דאנק אייך פאר די מיה, וואָס איהר האָט זיך מטריח געווען מיר אריין צו געבען מוטה. אין דער פאלאטע זיינען ניט פאראן קיין שוועריגקייטען פאר מיר. דער עיקר איז, דאָס איך אליין זעה נאָך פיעל מניעות און פורכטבארע הינדערניסע קעגען מיין אויפטרע־טען. סוף כל סוף דוכט זיך מיר, אז איך וועל טהון זעהר קלוג, ווען, אנשטאָט צו ריידען, וועל איך זעהן בעסער זיך צו בעגניגענען מיט א שטילער אבשטימונג.“

צום גליק אָבער האָט דאס ריקארדאָ ניט געטהון. זיין פּחד דערשראָקען צו ווערען פאר זיין אייגענע שטימע, איז ניט מקוים געוואָרען. ער איז עפּטער ארויס געטראָטען און האָט טאַקי בעקומען אין פּאלאטע דיא גרעסטע ווירקונג, וואָס האָט זעהר פיעל נוטצען געבראכט ניט בלויז דער מלוכה, דעם שטאַאַט, נור אויך דער וויסענשאפט.

געוועהנליך האָט ריקארדאָ געווירקט אין פּאלאטע ניט מיט זיין אָראַטאָרשען טאַלאַנט און רעדענס־פעהיגקייטען, וועלכע ער האָט איבערהויפּט ניט בעזעסען, נור דורך דיא אמת־קייט, קלוגהייט און גרינדליכקייט, מיט וועלכע ער האָט דורך גענומען יעדע פראגע.

„זיינע עניות און גוטהערציגקייט—ערצעהלט זיין ביאָגראַף—האָט ריקארדאָ ארויס געוויעזען ניט בלויז אין עפּענטליכען לעבען, נור אפילו צווישען זיין פאמיליע, ביי זיך אין דער היים אין קרייז פון זיינע פריינד האָט אויך אַלעמען איבערראשט די ווייכקייט און דיא מילדקייט אין׳ם כאראקטער פון דיעזען שטרענגען געלעהרטען. מיט א זעלטענע גרויסע אַכטונג האָט ער זיך פערהאלטען צו דיא מיינונגען פון אַנדערע. ער האָט שטענדיג אָבגעטרעטען דעם וועג פאר׳ן צווייטען. ער האָט קיין מאָהל ניט ארויסגעטרעטען געגען אַ געוויסע מיינונג, ווען ער זאָל ניט האָבען געוואוסט, אז ער איז פּאָלקאָם גערעכט. אויסער זיינע גרויסע קענטנים איז ער שטענדיג געוועזען הויך בעגייסטערט פאר דעם, וואָס איהם האָט אינטערעסירט, און האָט שטענדיג בעצויבערט און צוגעשמידט צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון זיינע הערער. דער ציעל פון אַ געוויסען וכוח, וואָס ער האָט געפיהרט, איז ניט געוועזען צו פערטהיידיגען דוקא „זיין מיינונג“, דורכפיהרען דוקא, וואָס ער וויל, נור דערגעהן דעם אמת. קוים האָט ער אַנערקענט, אז זיין געגנער איז גערעכט, האָט ער אָהן א שום מאַטערנים און פערדרוס, מיט אַ מאָדנע ערנסטקייט מודה געווען, אז ער האָט זיך טועה געוועזן. סתם פּשט׳לען זיך, פּלפּול׳ן אָהן אַ שום צוועק האָט ריקארדאָ קיין מאָל ניט ליעב געהאט. איבער די שווערסטע זאַכען פלעגט ער ריידען מיט א זעלטענע קלאָהרהייט און לייכטקייט.“ עס פערשטעהט זיך, אז דיא וויסענשאַפטליכע און פּארלאמענטאַרישע טהעטיגקייט פון אזאַ הויכען מאַן, וויא ריקארדאָ, האָט ניט געקענט ניט ערווערבען אַ אייביגע, אונשטערבליכען נאָמען ביי דיא ענגלענדער און דער איבריגער ציוויליזירטער וועלט. צווישען די אויפגעקלעהרטע פּאָליטיקער איז ריקארדאָ געוואָרען אַ אויטאָריטעט אָהן וועלכע עס איז קיין זאַך ניט בעשטימט געוואָרען. איבערהויפּט האָט ענגלאנד צו פערדאנקען ריקארדאָ מיט איהר פינאַנץ־פּאָליטיק, וואָס איז געפיהרט געוואָרען לויט דיא פּאָרשלאגען און טעאָריען פון לעצטען.

בנוגע זיינע סאָציאל־פּאָליטישע איבערצייגונגען האָט דא ריקארדאָ אָפיציעל זיך געהאלטען פאר אונפּאַרטייאיש. ער האָט ניט געהערט ניט צו דיא ליבעראלען, ניט צו דיא קאָנסערוואטיווען, ער האָט אָבער אלע מאָל מיט גרויס ענערגיע און בעגייסטערונג פערטהיידיגט דאס, וואָס איהם איז אויסגעקומען פאר עהרליך און וויכטיג. ער האָט קיין מאָל ניט געזוכט אויסצונעהמען ביי׳ן המון. שטענדיג איז ער ארויסגעטרעטען צו פערטהיידיגען דעם אמת און יושר, ניט צו לאָזען צו טהון ווען עס איז ניט עולות און דעריעבער האָט ער פאקטיש אלע מאָהל געשטימט מיט דער אָפּאָזיציאָן.

אויסדריקענדיג די אינטערעסען פון גרויסען קאַפּיטאַל, האָט ריקארדאָ דאָך קיין מאָל ניט צוגעלאָזען צו קריוודען די ארבייטער אויב נאָר ער איז געוועזען איבערצייגט אין דער גערעכטיגקייט פון זייערע פאָדערונגען.

דאס לעצטע ווערק, וואָס איז געוועזן געדרוקט פאר זיין לעבען איז ערשיענען 1822 אונטערן נאָמען: „שוץ פאר די אַקערבוי.“ וואו ער האָט בעטראכט דיא פראגען איבער דעם געטריידע פּרייז און זייער ווירקונג אויף דיא שכירות פון דיא ארבייטער און ריוח פון די קאַפּיטאַליסטען, לויט דיא גרונד געזעטצען פון זיינע פריהערדיגע ווערק.

אין 1823, ווען ריקארדאָ איז נאָך׳ן פּארלאמענטארישען סעזאָן געקומען צו זיך אַהיים, האָט ער פערענדיגט זיין ארבייט: „אַ פּלאַן ווי איינצוריכטען א מלוכה־באַנק“, וואו עס ווערט בעוויעזען דיא נויטווענדיגקייט און די מעגליכקייט פון אזא באַנק, פאר אלע, וועלכע נויטיגען זיך. דיזע ארבייט איז צום בעדויערן פון דיא וויסענשאפט געוועזן די לעצטע, וועלכע דער אויטאָר אַליין האָט שוין ניט זוכה געוועזן צו זעהען געדרוקט. אין סעפּטעמבער פון׳ם דערמאָהנטען יאהר איז איהם אָנגעפאלען אַ גרויסער וועהטאָג אין אַ קראנקען אויער, פון וועלכען ער האָט שטענדיג געליטען. אין צוויי טעג האָט זיך ענטוויקעלט אַ שטרענגע ענטצינדונג, וואָס האָט אויך פערכאפּט דעם מארך. פון דיזען מאַרך־ענטצינדונג איז ריקארדאָ דעם 11טען סעפּטעמבער געשטאָרבען, בעוויינט פון זיין פאמיליע, פריינד, פאטערלאנד און דער גאנצער וויסענשאַפטליכער וועלט. אויך פון אלע אָרימע און עלענדע, אונגליקליכע און נויטבעדירפטיגע, פאר וועלכע ריקארדאָ האָט אזוי פיעל גוטעס געטהון.

סאציאליזמ ס, ציוניזמוס און טעריטאריאליזמוס.

פון יעקב מילך.

דאָס „נעגאַטיווע" פּראָלעטאַריאַט.

(שלוס.)

דיא אויבענדערמאָהנטע „מאַטעריאַלען", ווייזען אליין אָן אויף איינינע אורזאַכען וואָרום אידען קענען ניט אריין קומען אין דיא גרויסע פאַבריקען: אידען, פאר אלעס, ארבייטען ניט שבת, וועהרענד דיא פאַבריקען ארבייטען ניט זאָנטאַג; צוליעב דיא אונטערדריקונג פון די רעגיערונג איז דאָ זעהר וועניג אידישע אויסגעבילדעטע טעכניקער, פון דעם קומט, וואָס אויך דיא אידישע פאַבריקאַנטען זיינען געצוואונגען צו האלטען קריסטען צו דיא ארבייט, און קענען ניט לאָזען לויפען זייערע מאַשינען אום זאָנטאַג, ווידער, דיא מייסטע גרויסע פאַבריקען ליעגען אין דיא דערפער, וואו אידען טאָהרען ניט וואָהנען. דאס אליין זאָל דאָך גענוג זיין צו בעווייזען, אז אויב אידען קענען זיך ניט פּראָלעטאַריזירען איז עס מייסטען צוליעב דיא אונטערדריקונג פון דיא רעגיערונג. ווען דיא זעלבסט־הערשאַפט וועט פאַלען, פאַלט אוועק די בעשרענקונג פון די אידישע אויסבילדונג און פון די אידישע וואָהנונג אין די דערפער. ווען עס וועלען זיין אידישע מעכאַניקער, אידישע מאַשיניסטען, און די אידען וועלען מעגען וואָהנען אין דיא דערפער, דאַן וועלען אויך זיין אידישע פאַבריק־ארבייטער.

דאָס איז אָבער נאָך מיינע מיינונג ניט דאָס וויכטיגסטע, א סך וויכטיגער איז פאָלגענדעס: דיא ס. ט. שטעלען אוועק דאָס געהן אין דיא פאַבריק אריין אלס אַן אידעאַל צו וועלכען יעדער ארבייטער דאַרף שטרעבען, און צו וועלכען ער רייסט זיך מיט'ן גאַנצען כח, ווייל דאָס מאַכט איהם פאר א פּאָזיטיווען פּראָלעטאַריער.

דאָס קומט פון דעם וואָס זיי פערשטעהן אַזוי שלעכט דעם מאַרקסיזמוס. זיי מיינען, אַז על פּי תורת מאַרקס, איז א מצוה צו ווערען א „פּאָזיטיווער" פּראָלעטאַריער, אַז דאָס איז איינס פון דיא עקרים. עס איז אָבער ניט דאָ אַזאַ מצוה, דער מאַרקסיזמוס זאָגט נור, אַז דער קאַפּיטאַליזמוס טרייבט דעם קליינעם אונטערנעהמער אין דיא רייהען פון פּראָלעטאַריאַט, אַז ער טרייבט דעם ארבייטער צו פערקויפען זיין ארבייטס־קראַפט צו דעם וואָס פערמאָגט דיא מאַשין. דער ארבייטער וויל לחלוטין ניט געהן, און ער געהט נור ווען ער קען זיך אַנדערש העלפען. דער קאַפּיטאַליזמוס טרייבט איהם אָבער מיט געוואַלד. און מיט וואָסער מיטלען דער קאַפּיטאַליזמוס טרייבט אין פאַבריק אריין, קען מען זעהן פון דער ענגלישער פאַבריק געזעצגעבונג. און ניט נאָר דיא ענגלישע פאַבריקאַנטען האָבען דאָס פערשטאַנען, אפילו דיא אונציוויליזירטע, האלב באַרבאַרישע „קאַצאַפּעס" פון פּיאָטר דעם ערשטען'ס צייטען אָן ביז היינט האָבען פערשטאַנען דעם קונץ. עס זיינען געוועזן צייטען אין רוסלאַנד, ווען מען האָט בעשטראָפט מיט געהן אין פאַבריק; דיא פאַבריקאַנטען האָבען געקריגען דאָס רעכט צו קויפען פּאָנשטשיזניקעס און זיי צווינגען צו ארבייטען אין פאַבריק, מען האָט זיי געצוואונגען צו שיקען זייערע קינדער אין פאַבריק, דעם רוסישען מוזשיק האָט מען אַלזאָ געטריעבען אין פאַבריק מיט דיא קאָזאַצקע נאַגייקע. און וויא ליעב דער מוזשיק האָט געהאַט דיא פאַבריק קען מען זעהן פון דעם, אז נאָך 1861, ווען מען האָט דיא לייבאייגענע (פּאָנסטשיזנע) בעפרייט, האָבען זעהר פיעל פאַבריקען באַנקראָטירט צוליעב מאַנגעל אין ארבייטער. מען האָט דיא שכירות געהעכערט 4 מאָל אַזוי פיעל אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפען. מען האָט דעם רוסישען פויער ניט געקענט איינהאלטען אין פאַבריק*) דער קאַפּיטאַליזמוס אין רוסלאַנד האָט נאַטירליך דאפיר געזאָרגט צו קריעגען ארבייטער, און ער האָט געפונען נאָך מעהר וויא ער ברויכט. אָבער פון פערגנינגען וועגען איז דער רוסישער פויער אין פאַבריק ניט געגאַנגען. און מען קען ווירקליך צו איהם גאָר ניט האָבען פאר דאָס, ווען מען לעזט אויף וואָסער גרויזאַמען אופן דער רוסישער ארבייטער ווערט אויסגעבויטעט. דער לעזער וואָס אינטערעסירט זיך מיט דיעזען ענין קען דאָס נאָך לעזען אין דעם רוסישען זשורנאַל „פּראַוודא". פאר 1905 אין דער אבהאַנדלונג: „דיא לאַגע פון דיא ארבייטער קלאַססע אין רוסלאַנד". אָבער דאָס איז א זייטיגע זאַך. וואָס איך וויל אויספיהרען איז, אז אידען זיינען קיין פּאָנשטשיזניקעס קיין מאָל ניט געוועזן,

*) זעה וועגען דיזען ענין: „רוסקאיא פאַבּריקא", (דיא רוסישע פאַבריק) פון טוגאַן — באַראַנאָווסקי.

און אליין פון גוטען ווילען, אָדער צוליעב דיא „מאַרקסיסטישע“ טהעאָריע פון די ס. ט. זיי זאָלען זיך קענען פּראָלעטאַריזירען, זיינען זיי אין פאַבריק ניט געגאַנגען. ביי אידען האָט זיך דאַדורך ניט אויסגעאַרבייט קיין ארבייטער קלאַס, און נאָך ווייניגער אַ פאַבריק־אַרבייטער קלאַס. פון דער צווייטער זייט האָט זיך צו דערזעלבער צייט ביי דיא אידען אויסגעאַרבייט דיא שוויץ־סיסטעמע. דאָס קלינגט פּאַראַדאָקסאַל, אָבער עס איז ריכטיג.

מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז דער אמת'ר קאַפּיטאַליזמוס אין רוסלאַנד האָט זיך ערשט אָנגעהויבען צו ענטוויקלען זייט 1861 יאָהר, נאָך דיא אבשאַפונג פון פּאַנשטזיזנע. דיא אַרבייטער וואָס דער קאַפּיטאַליזמוס האָט בעדאַרפט צו האָבען, האָט ער געצוואונגען מייסטענס פון דיא בעפרייטע פויערים, און פון דיא פריהעריגע בעלי מלאכות, וועלכע זיינען געוועזן אויסגעלערנטע אַרבייטער. אידען זיינען ביז דאַן געוועזן נור זעהר ווייניג בעלי מלאכות. און נאָך אַ לאַנגע צייט נאָך דעם איז ביי אידען געוועזן אַ חרפה צו לערנען אַ מלאכה. צוויי סאָרטען אידען זיינען געוואָרען בעלי מלאכות, ערשטענס דיא אינגלעך וואָס האָבען ניט געוואָלט זיין קיין לייט, וויא מען פלעגט דאָס זאָגען. ווען אַ פאָטער האָט שוין אַלעס אויספּרובירט און עס האָט ניט געהאָלפען, האָט ער דאָס אינגעל געגעבען צו אַ בעל מלאכה. דיא צווייטע קלאַס איז געוועזן דיא אָרימסטע פון דיא אָרימע, ווען דער פאַטער האָט זיך באין אופן ניט געקענט העלפען, אָבער ווען ער איז געשטאָרבען, און עס איז געבליבען אַ'ן אלמנה מיט יתומים, האָט מען אויסגעטאָן דאָס שעמהיטעל און געמאַכט דאָס קינד פאַר אַ בעל מלאכה. דיעזע האָבען אָבער ניט געקענט זיך אויסלערנען אַ גוטע מלאכה. דיעזע האָבען געמוזט שנעל פערדיענען געלד צו העלפען דיא עלטערען אָדער דיא מאַמע, דיא אלמנה. דער קאַפּיטאַליזמוס וואָס האָט זיך שוין געהאַט גענוג ענטוויקעלט אין זיין פערטהיילונג פון דיא אַרבייט, האָט זיי אין דעם פיעל געהאָלפען. זיי זיינען דאַדורך געוואָרען פּאַפּיראָסניקעס, ציגאַרען מאַכער, קאַמאַשען מאַכער, דיא פערשיעדענע טהיילען פון שניידער פאַך א. ז. וו. דיא עטליכע וואָס האָבען זיך געלערנט אַ שענערע מלאכה, זיינען געוואָרען זייגער מאַכער, שניצערס, סטאָליאַרעס א. ז. וו. אין דיא קאָפּאַליעס (מינעס) וויא זייערע טאַטעס זיינען ניט געוועזן, זיינען זיי ניט געגאַנגען און ניט געקענט געהן. צו דיא אייזענבאַהנען וואָס בעלאַנגען מייסטענס צו דער רעגיערונג, זיינען זיי ניט געגאַנגען און ניט געקענט און ניט געוואָלט געהן.

צו דיעזען איז נאָך צוגעקומען דיא עמיגראַציע נאָך דיא ערשטע פּאָגראָמען. ווער עס געדענקט דעם אנפאַנג פון דער אידישער עמיגראַציע פון רוסלאַנד ווייס, אַז כמעט יעדער איד וואָס האָט זיך געקליעבען פאָהרען אין ענגלאַנד אָדער אַמעריקאַ, האָט זיך געלערנט נייהען אויף'ן מאַשין. וויא האָבען זיי אַנדערש געקענט? וואָס קענען טהון מענשען וואָס האָבען זייער לעבען געלעבט פון ווינד? — וויא אַזוי קענען דיעזע מענשען פאָהרען אין א פרעמדע לאַנד, מיט אַ פרעמדע שפּראַך, מיט פרעמדע מנהגים און פרעמדע געזעצען? זיי האָבען זיך אַלזאָ געמוזט אויסלערנען אַ „מלאכה“. דאָס לייכטעסטע איז געוועזן דאָס נייהען אויף'ן מאַשין. אַזוי אַרום איז אויך אין ענגלאַנד און אין אַמעריקאַ ענטשטאַנען אַ „אידישע“ קליידער אינדוסטריע. וואָסערע אַרבייטער דיעזע אַלע זיינען געוועזן, קען מען אַם בעסטען זעהן, ווען מען קוקט דורך דיא ליסטע פון דיא אידישע יוניאָנס אין אַמעריקאַ. זיי האָבען אַלע בעלאַנגט צו דיא יוניאָנס. איהר וועט היינט קיין 5 פּראָצענט פון יענע אַרבייטער, איך בין זיכער, ניט געפינען אין דיא ליסטען פון דיא יוניאָנס. איהר וועט אָבער דיעזע נעמען געפונען אין דיא ליסטען פון אַדוואָקאַטען, דאָקטוירים, דענטיסטען, לעהרערס, רעדאַקטערע, צייטונג שרייבער, אַגענטען, פאַבריקאַנטען, מעקלערס, שפּעקולאַנטען אין הייזער (ריעל עסטייטניקעס) מיט איין וואָרט: אַלעס זיינען זיי געוואָרען אָבער קיין אַרבייטער זיינען זיי ניט געבליבען.

און דאָס איז אויך ניט אַלעס:

עס איז אַ מערקווירדיגער פאַקט, אַ פאַקט וואָס דיא סאָציאַליסטען טעררימאָריאַליסטען מעגען וויסען, אַז דיא רוסישע „נאַציאָנאַלע אינדוסטריע“ בעלאַנגט ניט צום רוסישען פאָלק. זיא בעלאַנגט גאָר צו אויסלענדער. עס זיינען ענגלישע, פראַנצויזישע און בעלגישע קאַפּיטאַליסטען הויפּטזעכליך, וועלכע זיינען דיא אייגענטהימער פון דיא רוסישע „נאַציאָנאַלע אינדוסטריע.*)

דיעזער פּונקט איז זעהר וויכטיג. דאָס ענדערט דעם גאַנצען חשבון פון דיא ס. ט. און

*) זעה וועגען דיזען איין זעהר אינטערעסאַנטע אבהאַנדלונג פון קאַרל קאָוטסקי אין דער „נייער צייט“, נומער 21 — 1906, אויך דעם אויבענגענאַנטען בוך „דיא רוסישע פאַבריק“ פון טוגאַן — באַראַנאָווסקי י. מ.

קאָוטסקי'ס דערמאָנטער אַרטיקעל איז אַ קאַפּיטעל פון זיין גרעסערער אַרבייט איבער דעם „אַמעריקאַנער אַרבייטער וואָס איז געוועזן איבערזעצט [illegible]

עס בעווייזט אויף דיא ריכטיגקייט פון מיין בעמערקונג איבער דיא סטאטיסטיק. דיא סטאטיסטיק, ווייס נור פון אידישען און ניט אידישען קאפיטאל, אידישע און ניט אידישע ארבייטער. דיא ס. ט. און אנדערע טרומייטערען נאך דיעזע סטאטיסטיק, אז דאס אידישע קאפיטאל קען זיך ניט ענטוויקלען, אז דיא אידישע ארבייטער פראלעטאריזירען זיך ניט. ווען דאס אמת'ע קאפיטאל אין רוסלאנד איז אויסלענדיש קאפיטאל, דאן פערשטעהט מען בעסער ווארום דאס אידישע קאפיטאל ענטוויקעלט זיך ניט אזוי שטארק. עס האט איינפאך ניט קיין כח צו קאנקורירען מיט דעם אויסלענדישען קאפיטאל. עס איז דאן שוין ניט דאס אידישע קאפיטאל אליין וואס ענטוויקעלט זיך ניט, דאס רוסישע, דאס פוילישע א. ז. וו. קאפיטאלען ענטוויקלען זיך אויך ניט. עס איז דאס אויסלענדישע קאפיטאל אליין וואס וואקסט און פערכאפט אלע אינדוסטריען, און גאנץ רוסלאנד ארבייט פאר אויסלאנד. ווידער, קען טאקע זיין, אז אין דיעזען אויסלענדישען קאפיטאל שטעקט מעהר אידישעס קאפיטאל וויא ניט אידישעס. דאס אויסלענדישע קאפיטאל ארבייט אין רוסלאנד אין דיא פארמע פון אקציען־קאמפאניעס. ווער ווייס וויפיעל אקציען אידען פערמאגען פון דיעזען? דיא סטאטיסטיק שווייגט וועגען דיעזע זאכען. דיעזעס קען אויך זיין דיא אורזאכע ווארום גראדע דיא גובערניעס וואו אידען וואהנען, זיינען ניט אזוי שטארק ענטוויקעלט אינדוסטריעל. דאס אויסלענדישע קאפיטאל געהט פריהער דארט וויא מען קען אויסבויטען דיא נאטירליכע פראדוקטען, וויא נעפטא אין קאווקאז. (דאס דאכט זיך בעלאנגט צו אונזערע „ברידער“ דיא ראטהשילד'ס, וואס בעשטעטיגט דיא „טהעאריע“ פון נאציאנאלע אינדוסטריע). דאס אויסלענדישע קאפיטאל האט זיך אויך מייסטען געווארפען צו דיא אייזען און אייזענבאהן אינדוסטריען, פון וועלכע אידען זיינען אויסגעשלאסען 1) צוליעב דיא אלגעמיינע אונקענטניס פון דעם פאך, 2) צוליעב דעם שבת, 3) און הויפטזעכליך, וויא מיר שיינט, ווייל דיא אויסלענדישע קאמפאניעס האבען בעדארפט קריעגען קאנצעציעס פון דיא רעגיערונג, און דיא רעגיערונג איז דער גרעסטער און אפשר דער איינציגער אנטיסעמיט אין רוסלאנד, צוליעב פאליטישע צוועקען.

ווייטער. דיא סטאטיסטיק, אום צו האבען וועלכען ווערט, וואלט געמוזט געבען דיא ציפערען פון דיא אידישע פאבריק־ארבייטער אין 1861, און פון היינט. און אזוי ארום אויסגעפונען אויף וויפיעל פראצענט דיא אידישע פאבריק־ארבייטער זיינען געוואקסען אין פערהעלטניס צו דיא אידישע בעפעלקערונג. דאס זעלבע וואלט זיא געמוזט טהון מיט דיא ניט אידישע ארבייטער, און דאן וואלט מען געקענט ריכטיג וויסען צו אידען פראלעטאריזירען זיך צו ניט.

דאס טהוט דיא סטאטיסטיק ניט; זיא האט קיין ציפערען פון פריהער, און קען זיא אויך ניט האבען, ווייל איך גלויב קוים, אויב עס זיינען געוועזען וועלכע עס איז אידישע פאבריק־ארבייטער אין 1861סטען יאהר.

ווען מען נעהמט דיעזע אלע זאכען אין בעטראכט, דאן מוז מען שטוינען אויף דעם אונגעהייערען וואוקס פון דעם אידישען פראלעטאריאט, פון דעם „פאזיטיווען“ פראלעטאריאט. דאן קען מען זיך גיכער בעקלאגען אויף דעם, וואס דיא אידען פראלעטאריזירען זיך צו שנעל און צו שטארק.

דער פלאץ און דיא צייט ערלויבט מיר ניט געננוי צו בעטראכטען דעם גרויסען מאטעריאל פון ציפערען, וואס איז צוזאמענגעשלעפט אין דיא „מאטעריאלען איבער דיא עקאנאמישע לאגע פון דיא אידען אין רוסלאנד“. דאס פאדערט אן אבהאנדלונג פיעל גרעסער וויא מיין יעצטיגע שטודיע. איך וועל דערפאר נור בריינגען אייניגע סך הכל'ס. אין דיא זעקס גובערניעס: ווילנער, וויטעבסקער, גראדנער, קאוונער, מינסקער און מאהילעווער, זיינען אין 1897 יאהר געוועזען 1.651 פאבריקען מיט 41.589 ארבייטער. פון דיעזע זיינען געוועזען אידישע ארבייטער 22.279, אלזא מעהר וויא א העלפט פון אלע פאבריק ארבייטער, 53:57 פראצענט, זיינען געוועזען אידען.*)

אין דיא וואלינער, קיעווער, פאדאליער, פאלטאווער און טשערניגאווער גובערניעס האבען דיא קארעספאנדענטען איבערגעצעהלט 1.189 פאבריקען מיט 83.280 ארבייטער, צווישען וועלכע עס זיינען געוועזען 9.596 אידישע

---

*) דיזע ציפערן קען מען ניט נעהמען גענוי. דיא „מאטעריאלען“ האבען צווייערליי ציפערן. אפיציעלע, וואס דיא רעגיערונג האט ארויסגעגעבען, און אזוינע וואס זיי האבען אליין אויסגעפונען דורך זייערע קארעספאנדענטען. דיזע צווייערליי ציפערען שטימען ניט. נאך דיא ציפערן פון דער רעגיערונג זיינען אין דיזע 6 גובערניעס געוועזען 2.749 פאבריקן מיט 51.659 ארבייטער. איך האב אוועקגעשטעלט אויבען דיא ציפערן פון דיא קארעספאנדענטען, ווייל זיי גיבען אן דיא צאהל פון דיא אידישע ארבייטער, און דיא רעגיערונגס ציפערן גיבען דאס ניט. גאנץ זיכער זיינען אבער דיא ציפערען ניט. די סטאטיסטיק געהט נור ביז 1897 יאהר. פאר דיא יאהרען פון 1897 ביז 1906 איז נאך קיינע סטאטיסטיק ניטא.

פאבריק־ארבייטער. דאָס הייסט עלף פּראָצענט מיט עטוואָס. (11:5 פּראָצענט). אין דיא בעסאראביער עקאטרינעסלאווער און טאווריטי־שער גובערניעס זיינען געווען נאָך דיא קאָררעספּאָנדענטען 346 פאבריקען מיט 33.341 ארבייטער פון וועלכע 2.058 זיינען געווען אי־דען. ד. ה. 6:2 פּראָצענט.

אין דיא ערשטע 6 גובערניעס, וויא מען קען זעהן, זיינען מעהר וויא העלפט פאַ־בריק־ארבייטער אידען, וועהרענד אין דיא אי־בעריגע איז דער פּראָצענט פיעל קלענער. דאָס קומט פון דעם, ערקלערען דיא „מאטעריא־לען“, וואָס אין דיעזע גובערניעס ליעגען פיע־לע פאבריקען אין דיא דערפער און מיעסטעטש־קעס, וואו אידען טאָרען ניט וואָהנען, און אויך ווייל אין דיעזע גובערניעס ליעגען דיא רויה־צוקער און מעטאל פאבריקען וואו אידען קריע־גען ניט קיין ארבייט, צוליעב דיא אויבענאויס־גערעכענטע אורזאכען, וויא שבת א. ז. וו. דאָס איז אָבער ניט אַלעס. דיא „מאטעריאלען“ האָבען פערגעסען אריין צו רעכענען זעהר אַ וויכטיגען פּונקט. זיי האָבען פערגעסען צו זאָ־גען, אַז אין דיא גובערניעס וואו דיא אידי־שע פאבריק־ארבייטער זיינען קלענער אין צאָל, וואָהנען איבערהויפּט פיעל ווייניגער אידען וויא אין יענע גובערניעס וואו דיא אידישע פאבריק־ארבייטער זיינען גרעסער אין צאהל. אין דיא ערשטע 6 גובערניעס זיינען 14 פּראָצענט פון אַלע איינוואָהנער אידען, וועהרענד אין דיא איבריגע אייסגערעכענטע גובערניעס מאכען די אידען אוים נור אונגעפעהר 9 פּראָצענט פון אַלע איינוואָהנער. דער פּראָצענט פון דיא אי־דישע ארבייטער צו דיא צאָהל פון אידישע איינוואָהנער ווערט אזוי ארום כמעט פער־טאָפּעלט.

דער פּראָלעטארישער כאראקטער פון דיא אידישע ארבייטער זעהט זיך נאָך מעהר ארויס ווען מען צוטהיילט דיא אידישע ארבייטער נאָך דיא געשלעכטער און אַלטער. פון 20.323 אר־בייטער אין דיא ווילנער, וויטעבסקער, גראָד־נער, קאָוונער, מינסקער און מאָהילעווער גו־בערניעס זיינען געווען 5.492 פרויען, 1749 מיידלעך און 1.389 קליינע אינגלעך. ד. ה. פרויען זיינען געווען 27 פּראָצענט, מיידלעך 8.6 פּראָצענט און אינגלעך 6.8 פּראָצענט. „די־זעס בעווייזט“, בעמערקען דיא „מאטעריאלען“, אַז דיא פאבריק צוברעקעלט ביסלעכווייז דיא פאטריאַכאלע פאָרמע פון דיא אידישע פאַ־מיליע; עס איז שוין היינט דאָ פּלעצער, וואו דאָס פייפעל פון דיא פאבריק טרייבט ארויס פון דער היים גאַנצע אידישע פאמיליעס.*)

אידען פּראָלעטאריזירען זיך, אָהן עין הרע, און דיא ס. ט. מעגען שלאָפען גאַנץ רוהיג. אידען וועלען העלפען בויען אין דיא סאָציאלע רעוואָ־לוציאָן.

איך וואָלט נאָך געקענט אָנגעהן ווייטער אזוי. אָבער, וויא געזאָגט, דער פּלאַץ און דיא צייט, און אפשר אונזערע לעזער׳ס גדולה, ער־לויבען דאָס ניט.

נעמט צוזאמען דאָס אַלעס געזאָגטע און איהר וועט זעהן וואָסער קאָלאָסאלע, וואָסער אונגעהייערע דומהייט עס איז דיא גאַנצע טהע־אָריע פון דיא סאָציאליסטען טערריטאָריאליס־טען.

ניין! דיא ס. ט. וועלען ניט ברייננגען דיא אידישע גאולה. זיא וועט מוזען קומען פון אַנדערשוואו.

דער לעזער קען זיך קלערען דאָס איך בין אַ „נעגאַטיווער“ פּראָלעטאריער. אַז איך קען נור געבען אַ פערניכטענדע קריטיק, איך קען אָבער גאָר ניט אויפבויען. וואָס בלייבט מיט דעם אידישען פאָלק? וועט איהר פרעגען. פון וואַנען זאָל קומען דיא ישועה פאַר דעם אומ־גליקליכען, פערפאָלגטען, צופּאַגראָמעוועטען אי־דישען פאָלק?

האָט גדולה, מיין ליעבער לעזער! דאָס אידישע פאָלק האָט אויך גדולה, צופיעל גע־דולד. דיא ס. ט. זיינען ניט דיא איינציגע אין פעלד. עס זיינען נאָך דאָ פּועלי ציון מק״ק מינסק, און פּועלי ציון מק״ק ניויאָרק, עס זיי־נען נאָך פאַראַן סאָציאליסטען רעוואָלוציאָנע־רען טערריטאָריאליסטען, עס זיינען נאָך דאָ „בונדיסטען“. מיר וועלען זיך פריהער נאָך דורכשמועסען וועגען דיעזע אַלע, און ווען מיר וועלען פארטיג ווערען, האָף איך, וועלען מיר אויך פּרובירען עטוואס אויפצובויען.

יעקב מילך.

*) „מאטעריאלען“, צווייטער באנד. זייטע 217.

איבער דער וועלט.

דער פאליטישער רייס־טרעק און זיינע „לויפ ערס“.—דזשעראם און הוירסט בעלי תשובות. פון הוירסט דעם דעמאגאג צו הוירסט דעם פאליטשען שטרעבער.—איין רעאקציאנערע מאסע געגען דער סאשעליסט פארטיי.—די איינציגע אישו פון האיאהריגען קאמפיין—דער סאציאליזמוס.—די בעדייטונג פון דעם קאמפיין.

דער פאליטישער רייס־טרעק הויבט אן זיך אנצופילען. שוין שטעהען אונזערע אייגענע קאנדידאטען, דיא קאנדידאטען פון דער סאשעליסט פארטיי אין פעלד. שוין שטעהט דארט אונזער הויפט קאנקורענט אויף דיא ארבייטער שטימען — וויליאם רענדאלף הוירסט, נאמינירט פון דער „אונאבהיינגיגונגס־ליעג“ און גערייט צו קומען אין אבהיינגיגקייט פון דער דעמאקראטישער פארטיי מאשין. און אויך דיא איבעריגע פארטייען גרייטען זיך צו שיקען זייערע בעסטע „לויפערס“.

דיא הויפט רייס וועלכע אונז אינטערעסירט וועט פארקומען אין ניו־יארק. אין דער „גרויסער“ פאליטישער וועלט איז דער ערשטער „פרייז“ דער גאווערנארס אמט. אין אונזער אייגענער קליינער אידיש־סאציאליסטישער וועלט איז דער ערשטער פרייז — דער אמט פון קאנגרעס־מאן פיר דעם 9־טען דיסטריקט.

דארט איז אונזער קאנדידאט גענאסע מאררים הילקוויט, וועלכער איז שוין זייט פיעלע יאהרען איינער פון דיא טהעטיגסטע און פעהיגסטע מיטגליעדער און פיהרער פון דער סאציאליסטישער בעוועגונג אין אמעריקא. אין דער „סאשעליסט־פארטיי“ פארנעהמט גענ. הילקוויט זעהר אן איינפלוסרייכע שטעלע: ער איז א נייישיאנאל קאמיטע־מאן פון ניו־יארק. ער האט זיך אויך געמאכט א נאמען אין דער ליטעראריטשער וועלט אלס היסטאריקער פון דער סאציאליסטישער בעוועגונג אין אמעריקא.

דער 9־טער דיסטריקט רעכענט זיך פאר דעם דיסטריקט וואס האט דיא בעסטע מעגליכקייט צו וועהלען א סאציאליסטישען קאנגרעסמאן. און עס איז דיא פפליכט פון אלע סאציאליסטען אין דעם אויגענבליק אוועקצולייגען אלע מיינונגס־פערשיעדענהייטען, ויכוחים און קריוודעס און מאכען דיא מעגליכקייט פאר א טהאטזאכע. אין אזוינע מאמענטען שטעהט דיא פארטיי העכער פאר אלץ, דיא אינטערעסען פון סאציאליזמוס זיינען דיא וויכטיגסטע זאך.

דיא אידישע סאציאליסטישע וועלט האט אויך א צווייטען פרייז. דאס איז דער 10טער דיסטריקט, וואס איז איצט בעוואהנט פון א גרויסער אידישער בעפעלקערונג. דארט לויפט אונזער פון אלעמען געאכטעטער און בעליעבטער אלטער וועטעראן פון דער רעוואלוציאן און סאציאליזמוס, גענ. אלעקסאנדער יאנאס, פאר וועמען יעדער מענש איז פול פון בעגייסטערונג און גרעסטער אכטונג.

אויף דעם אמט פון גאווערנאר פון ניו־יארק סטייט געפינען זיך עטליכע בעלנים און רייסערייען, אינטריגען „מינען און געגען מינען“ ווערען געפיהרט :

אין דער דעמאקראטישער פארטיי זיינען דיא אינטריגען און מינען נאך פיעל פערפלאנטערטער און אויך אינטערעסאנטער איידער אין רעפובליקאנישען. אינטערעסאנט זיינען דא דיא נייע „פיינד“, אינטערעסאנט זיינען אויך דיא נייען „פריינד.“

נאר איין יאהר איז אוועק זינט דעם לעצטען שטאדט קאמפיין. פאר דעם יאהר זיינען קיין נייע פערזאנען ניט ארויפגעשוואוממען אויף דער אויבערפלעכע. קיין נייע אישוס זיינען ניט ענטדעקט געווארען. עס האט, דאכט זיך, גאר ניט פאסירט, און דאך וואס פאר'ע ענדערונגען אין דיא פאליטישע גרופירונגען, אין דיא פריינדשאפטען און פיינדשאפטען !

ווער פון אונז געדיינקט נאך ניט די פארא־יאהריגע „אונאבהיינגיגקייטס עפידעמי“. אלע קאנדידאטען זיינען מיט א מאל געווארען „אונאבהיינגיג“ פון די פארטיי־מאשינען, געגנער פון פארטיי באסיזמוס. מעקלעלאן, דער טעמעני־מעיאר, וועלכען דער טעמעני לידער מוירפי, צוזאמען מיט זיינע יוצר משרתיו, האבען קוים קוים אריבערגעטראגען אויף זייערע פלייצעס אין סיטי־האלל דורך קארופציאן און פעלשונגען פון דיא וואהלען, אפילו ער האט געמאכט חן'דע־

לאַך צו דער „אונאבהיינגיגקייט“. דער רעפּובּלי־קאַנישער קאַנדידאַט איז שוין גאַר געווען אַ „רעוואָלוציאָנער“ געגענאיבער זיין פּאַרטיי.

אָבער מעהר פאַר אַלעמען האָבען געקנאַקט מיט פּראַזען וועגען זייער בלוטיגער שנאה צו דיא פּאַרטיי מאַשינען דיא צוויי מויל־העלדען: הוירסט און דזשעראָם. ביידע האָבען פערשריען דיא וועלט מיט זייער „אונאבהענגיגקייט“. און ביידע האָבען אויך געהאַט אַ גרויסען גלענצענדען ערפאָלג. דזשעראָם איז עלעקטעד געוואָרען אויפ׳ן „אונאבהיינגיגען“ טיקעט. הוירסט האָט געקראָגען אַ געוואַלטיגען וואָוט און איז אויך כמעט וויא עלעקטעד געוואָרען.

דאכט זיך פון אַזוינע ערפאָלגרייכע אונאבהיינגיגקייטס־נביאים האָט מען געקאָנט ערוואַרטען כאָטש וויא פיעל עס איז ערנסטקייט און שטענדיגקייט אין זייער פּראָגראַם. ווען עס וואָלט געווען כאָטש אַ ברעקעל אמת און ערנסטקייט אין דיא פּאַר־אַ־יאָהריגע פּראַזען פון דיא ביידע „העלדען“, אין וועלכע אַזוי פיעל צעהנדליגע טויזענד וועהלער האָבען באמונה געגלויבט, דאן וואָלטען מיר היינטיגען יאָהר געקאָנט און געדאַרפט זעהען, נאָך אַ פיעל ערנסטערן, אַ פיעל הייסערן קאַמפף געגען פּאַרטיי באָסיזמוס געגען פּאַרטיי מאַשין, געגען דיא קאָרומפּירענדע און דעמאָראַליזירענדע ווירקונג פון „רעגיערונג דורך מאַשין“.

וואָס זעהען מיר אָבער אין אמת׳ן? ביידע גרויסע „קעמפּפער“ געגען דיא פּאַרטיי מאַשינען האָבען צווישען זיך אַ רייס: ווער וועט קענען אריינלויפען אין דיא נאָמיניישאָן פון דער זעלבער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. זיי שפּייען אויף זייערע אייגענע פּאַר־אַ־יאָהריגע פּראַזען, זיי לאַכען זיך אויס פון דיא צעהנדליגע טויזענדע מענשען וועמען זיי האָבען פאַרנאַרט און פערפיהרט; וואָס אַרט זיי פּראָגראַמען, פּרינציפּען, עהרליכקייט, מאָראַל! „ביזנעס איז ביזנעס!“ פאַר־אַ־יאָהרען איז „אונאבהיינגיגקייט“ געווען אַ סחורה אויפ׳ן פּאָליטישען מאַרק. היינט קען מען דיא אייגענע סחורה — דיא אייגענע פּערזאָן פערקויפען בעסער ביי די פּאַרטיי באָסעס. און ביידע, סאַי הוירסט, סאַי דזשעראָם קריכען אויף דיא קניע פאַר דיא פערשיעדענע באָסעס פון דער זעלבער קאָרופּטער, פערקויפטער פּאַרטיי מאַשין. „ביזנעס איז ביזנעס“!

* * *

מילא דזשעראָמען וואָלט מען געקאָנט פילייכט נאָך מוחל זיין. באמת האָט ער אפילו פאַר־אַ־יאָהרען נאָר זיין גאַנץ קליינע פּערזאָן געפּושט, אָדער ריכטיגער געזאָגט, ער האָט געלאָזט אַלס „אונאבהיינגיגען“ זיך פּושען פון זיינע שטענדיגע בעלי־בתים, וואָס האָבען אַ „ליען“ אויף איהם, זיך פּושען פון אַלע טראָסט־לייט וועמען ער דיענט אַלס דיסטריקט אַטאָרני. געגען דעם מאַכער זיך אויפרעגען איז באמת אַן איבעריגע זאַך. אגב האָט ער ווייניג אויסזיכטען אויף ערפאָלג.

גאַנץ אַנדערש איז דיא זאַך מיט הוירסטען. פאַר איהם איז קיין אַנדער נאָמען וויא ליגנער און פאַררעטהער — ניט מעגליך. אין פערלויף פון דעם איין יאָהר האָט הוירסט אַלעמען און אַלץ פערראַטהען.

ער האָט פערראַטהען דיא „אונאבהיינגיגקייטס“ אידעע זאָגאַר צוויי מאָל: איין מאָל אי׳ן זיין אייגענע אָרגאַניזאַציאָן. דיא כלומרשטדיגע „אינדעפּענדענס ליעג“ ווערט געפיהרט פון אַ פיעל איינגערע קליקע מיט נאָך פיעל מעהר אונפערשעמטקייט און ציניזמער אָפּענקייט. נור פאַר דעם איינציגען צוועק צו דיענען די פּערזענליכע אינטערעסען פון איהם, וויליאַם רענדאָלף הוירסט, איידער דיא ערגסטע פּאַרטיי־מאַשין.

אמת אויף דער קאָנווענשאָן פון דער „ליעג“ האָט דיא „מאַשין“ ניט געקענט קאָנטראָלירען אין גאַנצען דיא שטימונג און ווינשע פון דיא 1500 דעלעגאַטען. ווארום צווישען דיא 1500 לייט זיינען געווען פיעלע עהרליכע מענשען, פערפיהרטע און פערנאַרטע פון הוירסט׳ס פּערשפּרעכונגען און נאָך מעהר פון דיא גלענצענדע עדיטאָריעלס פון הוירסט׳ס רעדאַקטאָר. אָבער קוקט זיך נאָך צו מיט וואָס פאַר אַ פּעראַכטונג צו דעם ווילען פון פאָלק, צו דעם ווילען פון דיא דעלעגאַטען הוירסט און זיין קליקע געהען אויף זייער וועג: דורך אינטריגען און אָבמאַכונגען מיט מוירפי און אַנדערע „מאַשין־לייט“ צו בעקומען דיא נאָמיניישאָן דוקא פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. קוקט זיך נאָר צו וויא אַזוי מען האָט איינפאַך בעטויבט דיא קאָנווענשאָן און איהר געשלאָסען, ניט געבענדיג קיין מעגליכקייט דיא מאַיאָריטעט פון די דעלעגאַטען אפילו זיך ארויסצוזאָגען. קוקט זיך נאָר צו צו דאָס אַלץ און איהר וועט האָבען דעם שטאַרקסטען בעווייז, וויא ווייניג אכטונג הוירסט און זיין „ליעג“, ריכטיגער קליקע, האָבען צום פאָלק, צו זיינע ווינשע, צו זיינע פאָדערונגען און רעכטע.

נאָך קלאָרער איז געוואָרען דער גאַנצער שקר וואָס ליעגט אין דער הוירסט־בעוועגונג דורך הוירסט׳ס שטרעבונג מיט אַלע מעגליכע און אונמעגליכע מיטלען צו בעקומען דיא נאָמיניישאָן פון דער דעמאָקראַטישער קאָנווענשאָן און עס צו בעקומען פון מוירפיס און טעמענים גנאַדען. פון דער שאַנדע, וואָס ער איז געוואָרען ווידער אַ מאָל טעמענים און מוירפיס קאַנדידאַט וועט הוירסט זיך קיין מאָל אין לע־

בען ניט אָבוואַשען אין דיא אויגען פון אַלע עהרליכע און ראַדיקאַלע עלעמענטען, וועלכע האָבען באמת געגלויבט אין זיינע רייד און פערשפּרעכונגען.

און אין דיא אויגען פון אַלע אַרבייטער וועט ער קיינמאָל זיך ניט ריינוואַשען פון דעם פערראַטה געגען זיי. דער עדיטאָר פון דיא אונצעהליגע גלענצענדע האַלב סאָציאַליסטישע און דריי פיערטעל ראַדיקאַלע אַרטיקלען, דער טראָמפּעטען בלאָזער געגען גרויס קאַפּיטאַל, דער „פערניכטער“ פון טראָסט ערקלערט זיך אַליין פאַר אַן איינפאַכען ליגנער און פעררעטהער, ווען ער טענה'ט היינט אַז ער איז ניט קיין סאָציאַליסט, ניט קיין ראַדיקאַל, קיין געגנער ניט פון גרויס קאַפּיטאַל, ניט פון קליין־קאַפּיטאַל.

הוירסט האָט דעם יאָהר פון זיין פּלאַטפאָרם אַרויסגעוואָרפען ניט נאָר דעם האַלב־סאָציאַליזמוס און ראַדיקאַליזמוס, ער האָט אַרויסגעוואָרפען יעדען אינהאַלט. אַנשטאָט רעפאָר־

מאָררים הילקוויט
קאַנדידאַט פיר קאָנגרעסס, 9טען קאָנגרעשיאָנאַל דיסטריקט.

מען פערשפּרעכט ער אָבצושאַפען דיא אַלטע עקסיסטירענדע געזעצען, דאָס הייסט, דעם שטריינגען קאָנסערוואַטיזמוס פּאַרדעקט מיט דעם אונקלאָהרען וואָרט אָהן בעדייטונג, „אַמעריקאַניזמוס.“ עס בלייבט אין דער גאַנצער פּלאַטפאָרם נור איין זאַך: דיא הייסע אויפריכטיגע ביטע, מען זאָל איהם נאָר אויסקלייבען און דאַן... דאַן זיך פערלאָזען אויף זיין „עהרליכקייט“, ערנסטקייט און פערשטענדניס.

וויא ווייט מען קען איהם טרויען אפילו דאַן ווען ער פערשפּרעכט, האָבען מיר געזעהן. און מען קען זיך פאָרשטעלען וואָס מען קען ערוואַרטען פון איהם דאַן, ווען ער פערשפּרעכט אפילו ניט.

פאַר־אַ־יאָהרען אין דער צייט האָבען דיא סאָציאַליסטען געוואונשען הוירסט זאָל עלעקטען ווערען, כדי דורך זיין טהעטיגקייט אַלס מעיאָר אויסצוהיילען דיא פערפיהרטע און פערנאַרטע אַרבייטער מאַסען פון דעם גלויבען און צוטרויען צו דעם דעמאַגאָג. זיי האָבען גאָר ניט געהאָפט, אַז אפילו אַלס קאַנדידאַט וועט הוירסט אַזוי נידעריג פאַלען, אַזוי שענדליך פערראַטהען אַלעס, וואָס האָט צוגעצויגען צו איהם דיא מאַסען, אַז ער וועט שוין נעקסטען יאָהר שטעהן פאַר אַלעמענס אויגען, וויא אַ גאַנץ פּשוט'ער, אונעהרליכער, אונפעהיגער שטרעבער אָהן גלאַנץ, אָהן אידעאַלען.

דזשעראָם און נאָך מעהר הוירסט האָבען אַליין זיך אַנגעשפּייגען אין פּנים. צו וועלען דיא אַרבייטער מאַסען דעם יאָהר זיי ניט אַנשפּייען אין פּנים? צו איז דען מעגליך, אַז אויך היי־יאָהר זאָל הוירסט קענען פערנעהמען סאָציאַליסטישע, אָדער זאָגאַר האַלב סאָציאַליסטישע עהרליכע שטימען?

אונז ווילט זיך עס ניט גלויבען. צו טרויעריג וואָלט עס געווען!

* * *

ניט דיא ביידע גרויסע פּאַרטייען, ניט די נייע קליינע גאָמפּערסישע פּאַרטיי האָבען זייע־

אַלעקסאַנדער יאָנאַס
קאַנדידאַט פיר קאָנגרעסס 10טען קאָנגרעשיאָנאַל דיסטריקט.

רע נאָמינייישאָנס געמאַכט ווען מיר שרייבען דיעזע צייל'ען. אָבער נאָך דעם וויא הוירסט און אַלס צוגאָב נאָך דזשעראָם האָבען שוין זיך אַרויסגעוויזען אין ריכטיגער געשטאַלט פון איינפאַכע פּאָליטישע שטרעבער, פערלירען דיא ווייטערדיגע אינטריגעס און מינעס אין דעם פיינדליכען לאַגער יעדען אינטערעס און וויכטיגקייט פאַר אונז.

אין היינטיגען קאַמפּיין איז דיא לאַגע אַ איינפאַכע און אַ קלאָהרע: אויף איין זייט שטעהט פאַר אונז איין רעאַקציאָנערע מאַסע פון קאַפּיטאַליסטישע אַלטע און נייע קאָרומפּירטע בודעל־פּאַרטייען, וועלכע קומען צו דיא אַרבייטער מיט פּוסטע הענד און זאָגען אפילו קיין זאַך ערנסט ניט צו. אויף דער אַנדערער זייט שטעהט פאַר אונז דיא סאָציאַליסטישע פּאַרטיי,

דיא פארטיי פון דיא ארבייטער, פאר דיא ארבייטער, דיא פארטיי פון קלאסענקאמפף און קלאסען־בעפרייאונג.

דיא וואהל דאכט זיך איז דעם יאהר זעהר א לייכטע. ריכטיגער געזאגט עס איז גאר קיין וואהל ניטא פאר יעדען עהרליכען אויפגעקלערטען ארבייטער. עס זיינען אין דעם קאמפיין ניטא ניט קיין ערנסטע ארבייטער־פריינדליכע קאנקורענטען. גאמפערס' „לייבאר פארטיי" קען מען יעדענפאלס ערנסט ניט נעהמען און עס איז נאך דערהוייל א גרויסע פראגע: צו וועט זיא גאר ארויסשטעלען אן אייגענעם טיקעט? עס זיינען אויך ניטא קיין אנדערע אישוס וויא דער גרויסער שטענדיגער אישו: פראלעטאריער געגען קאפיטאליסטישע רויבער, ארבייט געגען קאפיטאל, פרייהייט געגען שקלאפעריי, רעכט געגען אונטערדריקונג, גערעכטיגקייט געגען געוואלט, מענשענווערדע געגען עקספלואטאציאן, מיט איין ווארט סאציאליזמוס געגען קאפיטאליזמוס.

מיט דער גרויסער אישו טרעטען ארויס דיא קאנדידאטען פון דער סאשעליסט פארטיי.

און מיט דער גרויסער אישו, וועלכע האט שוין אין אלע לענדער געפיהרט דיא אינטערנאציאנאלע סאציאל־דעמאקראטי צו אזוי פיעל ערפאלגען און אין וועלכער עס ליעגט דיא צוקונפט פון פראלעטאריאט, דיא צוקונפט פון דער גאנצער מענשהייט, מיט איהר וועלען אויך אונזערע קאנדידאטען דעם יאהר טאפפער און ענערגיש אנפיהרען דעם קאמפיין.

און ווייל דער האי־יאהריגער קאמפיין איז אזא פרינציפיעלער, דערפאר איז זיין ערציהערישע בעדייטונג אזוי גרויס. און דערפאר איז דיא פפליכט פון אלע סאציאליסטען, פון אלע אויפגעקלערטע, בעוואוסטזיינניגע פראלעטאריער צו מאכען דעם קאמפיין פאר א גרויסען ערפאלג. יעדער שטימע, וואס דיא סאשעליסט פארטיי וועט דעם יאהר בעקומען וועט זיין א ריינע סאציאליסטישע שטימע. און עס בלייבט אונז אלעמען נאר צו טהאן אונזער פפליכט און צו זארגען, אז דער סאציאליסטישער וואוט זאל זיין וואס גרעסער. ז.



דער דיינקער.
נאך דער בעריהמטער סטאטוע פון באדין.
דורך געפעליגקייט פון קאררענט ליטעראטור.

פעראיינס-קאלענדאר

ארבייטער רינג

ברענטש 1, ניו־יארק.
מיטעט יעדען פרייטאג אין 414 גרענד סט. סעק. און האספיטעלער פּ. לעווין 259 ס. 9טע סט. ברוקלין. דר. טש. שווארץ 155 הענרי סט.

ברענטש 2, נויארק.
מיטעט יעדען שבת אין 1915 דריטע עוועניו. סעק. מ. דאווידאוו 225 איסט 105טע סט. דאקטאר פישער 1443 לעקיסנגטאן עוו.

ברענטש 4 ברוקלין נ. י.
מיטעט יעדען מיטוואך אין 143 מעקקיבען סט. סעק. ד. אשינסקי, 25 מארערל סט.
דר. ראזיער, 26 מארעל סט. האספיטעלער ב. קליין, 45 מארערל סטריט.

ניו יארק בר. נומ. 5.
מיטעט יעדען 2טען און 4טען פרייטאג אין 414 גרענד סט. סעק. טש. אייזענבערג, 677 מאירטעל עוו. ברוקלין. האספיטעלער — לעדער, 221 איסט 83טע סט. דר. מארגאליס, 211 הענרי סט.

ברוקלין בר. נומ. 6.
מיטעט יעדען 1טען און 3טען פרייטאג אין מאנאט אין 51 האמבאלד סטריט. סעק. ס. הערמאן, 53 מארעל סטריט, האספיטעלער ס. בלום, 135 ווערית סט. דאקטאר דז. קלינקאוושטיין 77 מעקקי־בען סטריט.

ברענטש 8.
מיטעט יעדען פרייטאג אין 206 א. בראדוויי. סעק. שטיינבערג 386 מעדיסאן סט. האספיטעלער אייק שאפּירא 344 טשעררי סט. דאקטאר ב. שלעזינגער 25 ראטגערס סטריט.

פּראג. קלאב ברענטש 9, באלטימאר.
מיטעט יעדען מיטוואך אין 139 אסקויט סטריט. סעק. וו. אלטשול, 1532 א. פּייעט סט.

ברענטש 11 ברוקלין, נ. י.
מיטעט יעדען דיענסטאג אין סענטראל־האלל אין 410 סטאן עוו. סעק. ס. הארואוויץ, 299 סטאן עוו. האספּיטעלער ב. עלענסאן, 18 עמבאי סט. דאקטאר קאפּלאוויץ 478 סטאן עוועניו.

ברענטש 12 פּילאדעלפּיא, פּא.
מיטעט יעדען צווייטען און פּיערטען זונטאג, אין 203 פּיין סט. סעק. ד. קאהן 512 נארטה 10טע סטריט.

ברענטש 14, פּראווידענס.
מיטעט יעדען צווייטען און פּיערטען זונטאג אין מאנאט אין 218 נארטה מעין סטריט, סעקרעטער וויליאם באקסט, 128 נ. מעין סט.

ברענטש 17 ניו־הייווען, קאנ.
מיטעט יעדען צווייטען או פּיערטען זונטאג אין מאנאט, אין מיוזיק האלל, קאורט סט. (2טען פלאר). סעק. י. גלייבער, 31 רעדהילד סט.

האמלער פּראג. פּער. בר., 20, א. ר.
מיטעט יעדען 2טען און 4טען שבת אין 98 פּאר־סייטה סט. סעק. קאזאנאוו 67, צווייטע סט. האספּי־טעלער ל. שקאלניק, 136 קאלאמביא סט. דאקטאר א. קאספּע 210 איסט בראדוויי,

---

ברענטש 23, נוארק.
מיטעט יעדען 2טען און 4טען דינסטאג אין מא־נאט, אין שטיינפעלדס האלל, קאר. ברום און מאר־טאן סטריטס. סעק. י. אלפּערט, 112 פּעשיין עוו., האספּיטעלער א. גאלדפיין, 318 מארים עוו. דאקטאר ס. גארדאן, 520 תאי סט.

ברענטש 24, בראנקס, נויארק.
מיטעט יעדען צווייטען און פּיערטען פרייטאג
מיטעט יעדען צווייטען און פּיערטען פרייטאג אין מאנאט אין 3393 דריטע עוועניו. סעק. ה. קאהן 1706 וואשינגטאן עוועניו.

ברענטש 27 ראטשעסטער נ. י.
מיטעט יעדען ערשטען און דריטען מאנטאג אין מאנאט אין ווערנערס האלל, דזשאזעף עוועניו, קאר. נעססאו סט. סעק. רובענפעלד, 65 וועלד סטריט.

ברענטש 29 באפּלא.
מיטעט יעדען 1טען און 3טען זונטאג אין קרייס האלל 232 וויליאם סט., סעקרעטער ב. מילער 378 סענעקא סט., האספּיטע סאל. קריססין, 303 וויל־יאם סטריט.

היברו עדיו ישענאל ליעג בר. 31 ארבייטער רינג. לארענס מאסס.
מיטעט יעדען 1טען און 3טען זונטאג אין 313 קאממאן סט., סעק. דזש. קאנטאר, 37 בעננינגטאן סט.

ברענטש 32 שיקאגא.
מיטעט דעם ערשטען און דריטען דאנערשטאג אין מאנאט אין פּרינטינגס האלל 275 מעקסוויל קארנער האלסטעד סט. פינ, סעק. פּ. ריווקינד 923 וועסט 12טע סט. רעק. סעק. צ. סאבאר 475 סענטער עוועניו, האספּיטעלער זילבערט 167 הויסטינג סט.

ברענטש 33, באסטאן.
מיטעט יעדען ערשטען און דריטען זונטאג אין מאנאט אין 164 קאנאל סט. 10 אוהר מארגענס. סעק. פּרענק, אסאקראל, 26 ענדערסאן סט.

ברענטש 35 ניו יארק.
מיטעט יעדען צווייטען און פּיערטען מאנטאג אין 1059 2טע עוו. סעק. נ. וויינבערג, 172 איסט

פּרייע געזעלשאפט, ברענטש 37.
מיטעט דעם 1טען און 3טען דיענסטאג אין מא־נאט, אין 214 ברום סט. סעק. לאפּאן, 49 איסט 102טע סטריט. דאקטאר ב. נעלסאן, 268 איסט בראד־וויי, גרינגלעז 117 קאלומביא סטריט.

ארשער און שקלאווער פּראג. סאס. בר. 39 נ. י.
מיטעט יעדען 2טען און 4טען שבת אבענד אין 83 פּארסייט סט. סעק. ד. סארין, 4 איסט 113טע סט. האספּיטעלער גרינמאן, 89 לודלאוו סט.

יאנג מענס פּראג. ברענטש 40 ניו־יארק.
מיטעט יעדען 2טען און 4טען פּרייטאג אין 96 קלינטאן סט. סעק. ס. בראדקין, 235 א. 6טע סטריט, האספּיטעלער, מ. בערלינער 58 נארפאלק סט. דר. בלום 140 הענרי סט.

די צוקונפט

No. 11 NOVEMBER 1906. Vol. XI

דער מאנהיימער פארטיי-טאָג

(פון אונזער ספעציעלען קאָרעספאָנדענט).

פון א. ש. זאקס.

א. ש. זאקס.

1. דיא פרויען קאָנפערענין און דיא הויפט אישו פון פארטיי טאָג.

„אויף דיא פארטיי־טאגען פון דער סאָציאל־דע־מאָקראטיע ווייסען ניט דיא פאָרשטעהער פון דער בורזשואזנער געזעלשאפט און דער פרעסע וואָס זיי ערוואָרטעט. דאָס רוב מאָל ווערען זיי פלוצלונג אי־בערראשט מיט נייעסן, אויף וועלכע זיי האָבען זיך ניט געריכט און מיט וועלכע זיי זיינען אין גאנצען אונצופריעדען“.

„וויא ציגיינער פרויען זאָגען אונזערע געגנער נביאות אויפן סמך פון געוויסע מיינונגס־פערשיע־דענהייטען, וועלכע עס מאכען זיך אין אונזערע רייהן פארן פארטיי־טאג, אז אָט, אָט ווע׳לען פאָרקומען גרויסע מחלוקות, וועלכע וועלען ארויסרופען א צושפאלטונג צווישען אונז, אָבער זיי ענטוישען זיך“ בעבעל („דיא נייע צייט“, 1906, ז. 814:)

ניט בלויז יעדער קלאסען־בעוואוסטע־דייטשער ארבייטער ווארט מיט א אונגעהייערער גרויסער אונגעדולד אויף דיא „סעפטעמבער וואָך,“ דיא וואָך, ווען עס זאמלען זיך צוזאמען זיינע אמת׳ע פאָרשטעהער אָבצוגעבען א חשבון פאר דיא פערגאנגענע ארבייט און צו שעפען כחות פאר דעם נייעם יאָהר. דיא גאנצע ציוויליזירטע וועלט איז שטארק פעראינטערעסירט מיט דיא „רויטע וואָך,“ ווען דער ארבייטער־פארלאמענט האלט אָב זיינע זיצונגען. מיט א גרויסע אויפמערקזאמקייט הערט מען זיך צו צו דיא וכוחים און בעשליסע פון דיא „רויטע,“ וויל מען ווייס גאנץ גוט, אז דיזע בעשליסע דריקען אויס דעם וואונש און פערלאנגען פון דריי מיליאָנען בירגער, וועלכע טראָגען אויף זייערע פלייצעס די גאנצע געזעלשאפט. און צו איז עס אנגענעהם אָדער ניט, מען מוז זיך דערמיט רעכנען. מען ווייס גאנץ גוט, אז דיא אלע וכוחים זיינען ניט דברים בעלמא, סתם

גערעדט, נור אז זיי זיינען געשטיצט אויף דיא מעכטיגע קראפט פון דיא פאלקס־מאסען, וועלכע זיינען צו יעדער צייט אימשטאנד און פעהיג דאס דורכצופיהרען אין לעבען.

אויף דעם היי־יאהריגען פארטיי טאג, וואס איז אבגעהאלטען געווארען אין מאנהיים ענדע פאריגען מאנאט, האט דער דייטשער פראלעטאריאט געווארט מיט א סך א גרעסערען אינטערעס, וויא אויף דיא ביזהעריגע, און ניט בלויז דער דייטשער, נור דער אינטערנאציאנאלער, און ניט בלויז ארבייטער, נור אויך אלע עהרליכע דעמאקראטען פון דיא אנדערע פארטייען האבען דעם איצטיגען פארטיי־טאג בעגעגענט מיט א גרויסען ערנסט. דאס בעווייזט שוין דיא גרויסע צאהל פערטרעטער פון אלע אויסלענדישע ברודער־פארטייען און דיא פיעלע געסט פון דעמאקראטישען לאגער, וועלכע זיינען געקומען קיין מאנהיים צו הערען און צו זעהן, וואס דארטען ווערט גערעדט און בעשלאסען.

עס איז גענוג אנצורופען דיא בעוואוסטע נעמען אין דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער־בעוועגונג, וועלכע זיינען געקומען צום פארטיי־טאג, וויא עדוארד אנזעעלע, הויסמאנס און געארג מאיעס פון בעלגיען, ערנסט זעדערבערג פון שוועדען, הועבער און אנטאן שאפער פון עסטרייך, ראלאנד־האלסט און וויבאגט פון האלאנד, ש. ראפאפארט פון פראנקרייך, פלעכאנאוו און באלאבאנאווא פון רוסלאנד א. ז. וו.—אום צו פערשטיין וויא וויכטיג דיא מאנהיימער פערהאנדלונגען זיינען געוועזען פאר דיא אינטערנאציאנאלע ארבייטער־בעוועגונג.

דיא אורזאכע פאר וואס גראד דער איצטיגער פארטיי־טאג האט צו זיך צוגעשמידט דיא בליקען פון דער אינטערנאציאנאלער סאציאל־דעמאקראטיע מעהר וויא אלע מאהל איז, ווייל מען האט געקענט פאראויס זעהן, אז אין דעם פונקט 5 פון טאגעס־ארדנונג: „דער פאליטישער מאסען־סטרייק, וועלכער איז איצטער צוריק געשטעלט, ניט קוקענדיג, וואס אויפ'ן פאריגען פארטיי־טאג אין יענא האט מען אנגענומען בנוגע איהם א געוויסע רעזאלוציאן, וועט בעריהרט און גרינדליך פערנאנדערגעלייגט ווערען דאס אלטע אבער וויכטיגסטע פראבלעם: „דיא שייכות פון פאליטישער פארטיי צו די געווערקשאפטען.“ צווישען דיא פארשטעהער פון ביידע ארגאניזאציאנען קומען אפט פאר, וויא בעוואוסט, גרויסע שטרייטיגקייטען בנוגע די געגענווארטיגע טאקטיק פון דער ארבייטער בעוועגונג. דיא פיהרער פון געווערקשאפטען בעטראכטען דיא פראפעסיאנעלע בעוועגונג, וואס שטרעבט אויסצובעסערען דיא לאגע פון דיא ארבייטער אין דער געגענווארט פאר א ציעל און פיר זיך און דעריבער פערלאנגען זיי, אז זייער טהעטיגקייט זאל ניט זיין וועניגער געשעצט, ווי די פאליטישע טהעטיגקייט, און אז די פארשטעהער פון דיא געווערקשאפטען זאלען זיין גלייכבערעכטיגט מיט דיא פארשטעהער פון דער פארטיי, אז דיא בעשליסע פון זייערע קאנגרעסען זאלען האבען דיא זעלבע מאכט, וויא דיא בעשליסע פון דער פארטיי. דיא פארטיי־פיהרער בעטראכטען הגם דיא פראפעסיאנעלע בעוועגונג פאר זייער א וויכטיגען טהייל פון קלאסען־קאמפף, אבער דאך ניט מעהר, וויא א מיטעל צו בעפרייען דעם ארבייטער־קלאס. דיא פראפעסיאנעלע פעראיינען — טענה'ן זיי ווייטער — קענען נור איוסבעסערן דיא לאגע פון דיא ארבייטער אין דיא גרענעצען פון איצטיגער ארדנונג. זיי קענען אבער ניט בעזייטיגען אין גאנצען דיא הערשונג פון קאפיטאל און דעריבער דארפען זיי זיין אונטערגעארדענט אונטער דיא פארטיי. זיי מוזען זיין אבהענגיג פון דיא פארטיי־בעשליסע. ווען עס קומט אויס צו אפפערן א געוויסע עקאנאמישע פערבעסערונג אין דיא נוטצען פון דעם ענדליכען סאציאל־דעמאקראטישען ציעל, מוז מען דאס מיט א לייכטען הארצען טהון. דיא סאציאל־דעמאקראטיע, וואס נעהמט ארום אלע אינטערעסען פון'ם פראלעטאריאט סיי אין דער געגענווארט, סיי אין דער צוקונפט, מוז שטעהען העכער פון דיא עקאנאמישע אויסבעסערונגען, וואס האבען בלויז א צייטיגען כאראקטער.

דיא שטענדיגע פאלעמיק צווישען דיא ארטאדאקסאלע מארקסיסטען, וועלכע בעהויפטען, אז די צוקונפטיגע ארדנונג מוז קומען דורך א רעוואלוציאן, דורך א געוואלטזאמען איבערגאנג פון דער קאפיטאליסטישער קלאסען־הערשאפט צום סאציאליסטיש דעמאקראטישען שטאאט פון איין זייט — און צווישען דיא רעוויזיאניסטען־עוואלוציאניסטען, וועלכע גלויבען זעהר וועניג אין א סאציאליסטישע רעוואלוציאן און בעהויפטען, אז דיא נייע ארדנונג ענטוויקעלט זיך אונבעמערקבאר, ביסלעכווייס און אז מיט יעדער סאציאלער רעפארמע דערנעהנטערן מיר זיך אלץ מעהר צום ציעל און ממילא מוזען דיא רעפארמען בעטראכט ווערען ניט בלויז אלס א מיטעל, נור פאר א ציעל גופא, — דיזע פאלעמיק, וואס ווערט געוועהנליך בעטראכט בלויז אלס איין אקאדעמישער שטרייט, האט אנגענומען אין אמת'ן א ממשות'דיגע פארמע. דיא אלע מיינונגס־פערשיעדענהייטען צווישען פארטיי און געווערקשאפטען, וואס האבען היינטיגען יאהר אין דייטשלאנד אנגענומען אזא שארפען כאראקטער, זיינען אין גרונד גענומען,

ניט אנדערש, וויא א קאמפף צווישען דעם ארטאדאקסישען און רעוויזיאניסטישען שטאנדפונקט, א קאמפף צווישען דיא אנהענגער פון עוואלוציאן און רעוואלוציאן.

אט דיזעם וויכטיגע פראבלעם צווישען פארטיי און געווערקשאפטען איז שוין געווען גענוג, דאס דער מאנהיימער פארטיי־טאג זאל פעראינטערעסירען דיא פיהרער פון דער אינטערנאציאנאלער סאציאל־דעמאקראטיע א סך מעהרער, וויא א געוועהנליכער פארטיי־טאג. דען עס איז ניט פאראן ניט איין סאציאליסטישע פארטיי, וואו דיזער שטרייט זאל ניט פארקומען אין דער אדער יענער פארם און דעריבער איז געווען זעהר וויכטיג צו וויסען דעם גייסט וועלכער הערשט איצט אין דער דייטשער מוסטער פארטיי. דאס איז איינס. אויסערדעם זיינען אויפ׳ן טאגעס־ארדנונג געווען געשטעלט פונקטען, וועלכע האבען ניט בלויז א נאציאנאלען דייטשען כאראקטער, נור א אינטערנאציאנאלען, פראגען, מיט וועלכע יעדע סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי וועט מוזען פריהער אדער שפעטער זיך בעשעפטיגען. דאס זיינען: פונקט 7, „דיא סאציאל־דעמאקראטיע און פאלקס־ערציהונג“ און דער רעפעראט פון קלארא צעטקין אויף דער פרויען קאנפערענץ: „דאס שטימרעכט פאר פרויען“. — פונקט 4. „דער מאי־יום־טוב;“ פונקט 6: „דער אינטערנאציאנאלער קאנגרעס“ און פונקט 8. „שטראף־פראצעס און שטראף־רעכט“ זיינען אויך גענוג בעדייטענד׳ע פראגען, וועלכע האבען זעהר פעראינטערעסירט יעדען אויפגעקלערטען סאציאל־דעמאקראט.

מיר פאנגען אן פון אנהייב כסדר:

שבת דעם 22טען סעפטעמבער 8:30 אוהר פריה האט זיך געעפענט דיא פרויען־קאנפערענץ פון דעלעגאטען פון אלע ארגאניזירטע דייטשע ארבייטער־פרויען. דיא פרויען־קאנפערענצען זיינען נאך כמעט א נייע ערשיינונג אין דער דייטשער ארבייטערינען־בעוועגונג. אין מאנהיים איז גאר און גאר געווען דיא פערטע, דאך קען מען שוין זעהען זייער פרוכטבארע ווירקונג און נוטצען, וואס זיי האבען געבראכט דעם דייטשען פראלעטאריאט בכלל און דיא ארבייטער־פרויען בפרט.

דיא פרוי אין דייטשלאנד איז ניט בלויז עקאנאמיש שרעקליך פערשקלאפט, א סך מעהר פון דיא מענער־ארבייטער, זיא איז אויך פאליטיש אין גאנצען רעכטלאז. פון דיא איינציגע רעכטע, וועלכע דער דייטשער פראלעטאריאט האט נאך א רייהע הארטע און ביטערע קעמפפע זיך דערשלאגען, וויא צ״ב אלגעמיינע וואהל־רעכט, און דאס רעכט זיך צו ארגאניזירען אין פעראיינען, איז דיא פרוי אויסגעשלאסען. די פרוי איז אין דייטשלאנד ניט קיין גלייכ־בערעכטיגטער מיטגליעד אין דער געזעלשאפט. זיא האט ניט דאס רעכט זיך צו ארגאניזירען אין פעראיינען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס א פינפטעל פון אלע ארבייטער אין דער פראדוקציאן זיינען פרויען. לויט דיא לעצטע סטאטיסטיק זיינען פאראן אין דייטשלאנד 5½ מיליאנען ארבייטער־פרויען. דיא פרייסישע געזעצען פערבאטען דיא פרויען צו נעהמען א אנטהייל אין דער פאליטישער טהעטיגקייט. סתם אזוי הערן, וואס אנדערע רעדען, אדער בלויז זיין אויף פאליטישע פערזאמלונגען האט דיא פרוי יא דאס רעכט, זיא טאר אבער ניט אויפטרעטען, ארויסזאגען, וואס זיא מיינט און פיהלט. זיא, דיא פרוי אין פרייסען, מוז זיין א רואה ואינו נראה, זיא מוז קוקען, הערן און שוויגען אבער קיין דעות און עצות ניט געבען. אין קעניגרייך זאקסען האט דיא פרוי אפילו יא דאס רעכט זיך עקאנאמיש צו ארגאניזירען, אבער אזוי, וויא עס איז איבערהויפט ניטא קיין שארפער גרענעץ צווישען פאליטישע און עקאנאמישע אנגעלעגענהייטען, ווערט דער גרענעץ דורכגעפיהרט לויט דער „איינזעהעניש“ פון דער פאליציי. עס האט צ״ב איינינע מאל געטראפען, אז די פאליציי האט ארויסגעטריעבען פרויען פון דיא פערזאמלונגען, וואו מען האט גערעדט ארום־רעדען דיא פראגע וועגען געזעצען צו בעשיטצען די ארבייטער, ווייל נאך דער „איינזעהעניש“ פון דער פאליציי איז דאס א פאליטישער, אבער ניט א עקאנאמישער אינטערעס און ממילא — טענה׳ן דיא פאליציי־לייט — זיינען דא נשים פסולות.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז אונטער אזוינע בעדינגונגען איז זעהר שווער צו פיהרען א שטרענגע דיסציפלין, וואס איז נעטהיג יעדער רעגעלמעסיגע ארגאניזאציאן. איינציגע ארגאניזירטע פרויען בעגעגענען מיר שוין אין דער צייט פון סאציאליסטען געזעץ, אבער דאס זיינען געווען נור אויסנאהמען. אלע בעמיהונגען צו גרינדען א פעסטע, שטענדיגע ארגאניזאציאן זיינען געבליעבען אהן ערפאלג אויך שפעטער, ווען דאס געזעטץ געגען דיא סאציאליסטען איז בטל געווארען — אין דיא 90־ציגער יאהרען. אין יאהר 1900 האט זיך א דאנק דיא גרויסע אגיטאציאן פון קלארא צעטקין, ציעטץ און באדער איינגעגעבען צום ערשטען מאל צונויפצורופען א פרויען קאנפערענץ, וואס איז אבגעהאלטען געווארען מיט צוויי טעג פריהער פאר׳ן פארטיי־טאג אין מאינץ. דיא צאהל פון דיא פערטרעטערינען איז געווען זעהר א שוואכע, דאך איז געווען לייכט צו זעהן, אז דיזע יונגע פרויען־בעוועגונג ענטהאלט אין זיך א געזונדען,

פרישען קערן, וואס מוז מיט דער צייט זיך ענט־וויקלען, אויסוואקסען און ברייננגען גוטע פריכ־טע. צוויי יאהר שפעטער אויף דער קאנפערענץ אין מיונכען זיינען שוין געווען מעהר פערטרע־טערינען. אויף דער קאנפערענץ פון יאהר 1904 אין ברעמען בעגעגענען מיר שוין 32 דעליגירטע. איצט אין מאנהיים איז דיא צאהל דעליגירטע געוואקסען ביז 50 מיט 54 מאנדאטען. דער צענטראל ארגאן „דיא גלייכהייט" רעדיזשירט דורך קלארא צעטקין, וואס איז אין אנפאנג זעהר ווייניג געלעזען געווארען און האט געליטען גרוי־סע דעפיציטען, געהט זיך איצטער פערנאנדער אין גענויע 50,000 עקזעמפליארען. ער פאנגט פון איצט אן צו ערשיינען אנשטאט אלע צוויי וואכען, יעדע וואך. דיזער גרויסער צו־וואקס גיט גוטע האפנונגען, אז אין א פערלויף פון איי־ניגע יאהר, וועלען אויך דיא דייטשע ארבייטער פרויען בילדען א גרויסע מאכט, וואס וועט קעמפפען האנד אין האנד צוזאמען מיט דיא מענער.

אין איהר בעריכט האט פרוי־באדער־בער־לין, דיא פערטרויענס־פערזאן פון אלע דייטשע אויפגעקלערטע ארבייטער־פרויען, אנגעוויעזען אויף דיא שטארקע שטיצע, וועלכע דיא ארגא־ניזירטע פרויען האבען בעוויעזען זייערע מע־נער. די אויפקלעהרונג פון די ארבייטער־פרויען איז די פרוכט פון דער גרויסער אגיטאציאן, וואס ווירד געפיהרט. אויך די געגנאסען, וועלכע האבען זיך פריהער פערהאלטען צו דער פרויען בעווע־גונג גלייכגילטיג זיינען אין דיא לעצטע צייטען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז אויף זיי ליגט א חוב, א הייליגע פפליכט דיא פרויען־ארגאני־זאציאנען צו אונטערשטיטצען מיט אלע מעגלי־כע מיטלען. מיר האבען פון אלע מאל געשטרעבט — זאגט ווייטער פרוי באדער — אונזער בע־וועגונג אזוי איינצוארדנען, דאס עס זאל ניט פארקומען געוויסע וויעדערשפריכע, שטרייטיג־קייטען צווישען אונז און דיא מענער. מיר אר־גאניזירען זיך ניט קעגען דיא מענער, נור צו־גלייך מיט זיי. הארמאניש ווילען מיר צוזאמען ארבייטען און קעמפפען קעגען אונזערע אלגע־מיינע שונאים. דיא פערייניגונג פון דיא פרויען איז א גרויסע טובה אויך פאר דיא מענער. ווען דיא פרויען זיינען אויפגעקלערט דארפען דיא מענער ניט מורא האבען פאר דיא שמוטציגע קאנקורענץ און סטרייק־ברעכעריי פון דער פרוים זייט. ווייטער גיט פרוי באדער א איבערבליק איבער דיא עקאנאמישע פערבעסע־רונגען, וואס זיינען דערגרייכט געווארען אין פילע צווייגען פון דער אינדוסטרי א דאנק דיא פרויען־ארגאניזאציאנען. דיא עקזעקוטיווע האט דורך אנפראגען אויסגעפארשט דיא לאגע פון די ארבייטערינען אין פערשיעדענע אינדוסטריען. דיא רעזולטאטען פון דיזע אנפראגען האבען גע־וויזען, וויא שרעקליך עס זיינען דיא בעדינגונ־גען פון דיזע שקלאפינען. אין דער פיש־אינ־דוסטריע צ"ב איז דער דורכשניטליכער לוין פון איין ארבייטערין ניט מעהר, וויא 6 מארק, 1½ דאלאר, א וואך. דיא לאגע פון דיא פלעטערקעס און וועשערקעס איז ניט בעסער.

אם ענדע האט פרוי באדער אויסגעדריקט אים נאמען פון אלע פעראייניגטע דייטשע פרויען איהר פערוואונדערונג צו דיא גרויסע העלדענטהאטען אין דיא גרויזאמע קעמפפע, וואס קומט אויסצופיהרען דיא פרויען אין דער־שכנה'שער רוסלאנד. מיט א אויפרוף צו עהרען דיא געפאלענע האט זיא איהר בעריכט געענ־דיגט.

מיט גרויס עהרפורכט הייבען זיך אלע אויף פון דיא ערטער. דיא גרויסע סימפאטיען צו דער רוסישער רעוואלוציאן און די רוסישע קעמפ־פער האט זיך איבערהויפט ארויסגעוויעזען אין אלע זיטצונגען אזוי אויף דער פרויען קאנפע־רענץ, וויא אויך אויפ'ן פארטיי־טאג. כמעט יעדער רעדנער האט געהאלטען פאר א פפליכט אנצו־ווייזען אויף דיא פאסירונגען אין בלוטי־גען מזרח, פון וועלכען מען דארף זיך א מוסר אראבנעהמען. דיא רוסישע געסט זיינען זעהר פריינדליך עמפפאנגען געווארען. ווען דאקטאר באלאבאנאווא איז ארויף אויפ'ן בימה צו בע־גריסען, האבען אין זאאל אויסגעבראכען שטור־מישע אפלאדיסמענטען, וועלכע האבען לאנג, לאנג ניט געוואלט אויפהערען. דיא בעגייסטע־רונג פאר „דיא רוסען" איז געווען צו בעמערקען אפילו ביי דיא ארדנער, וועלכע זיינען געשטאנען ביי דיא טיהרען. דיא רוסישע סטודענטען און קורסיסטקעס האט מען מיט גרויס כבוד אריינגע־לאזען צו די זיטצונגען, ווען ביי זיי זיינען אפילו ניט געווען דיא נויטהיגע איינגאנגס־בילעטען.

זעהר בעלעהרענד זיינען געווען דיא צוויי רעפעראטען פון דיא פאפולערע און טאלאנטפא־לע רעדנערינען : ציעטץ־האמבורג און פרוי גרינבערג־נירנבערג. דיא ערשטע האט בעהאנ־דעלט דיא טהעמא : „אגיטאציאן אונטער דיא לאנד־ארבייטערינען". דיא „צווייטע איבער „די דינסט־מיידלאך בעוועגונג". אין שרעקליך־גרויזא־מע פארבען האבען דיא רעדנערינען געשילדערט דיא עלענדע בעדינגונגען, אונטער וועלכע עס קומט אויס צו לעבען דיזע „פאריער" פון פרא־לעטאריאט. דורך דיא משונה־ווילדע געזעצען, וועלכע זיינען אין דייטשלאנד נאך געבליעבען פון'ם פינסטערן מיטעלאלטער, רעכנען זיך אט דיזע הויז־קנעכט פאר מיטגליעדער פון הויז־גע־

זינד, און האָבען דאדורך ניט דאָס רעכט צו אָרגאַניזירען זיך אין פעראיינען, וועלכע זאָלען בעשיטצען זייערע אינטערעסען. דיא לייב־אייגענשאַפט איז נור אויפ'ן פּאַפּיער אָבגעשאַפט געוואָרען, פאַקטיש איז יעדע לאַנד־ארבייטערין און דיענסט־מיידעל אויך נאָך איצט אין גאַנצען שוצלאָז קעגען די „העררען". דיזע „העררען" פערורזאַכען זייערע דיענסטען דיא גרעסטע יסורים, וויא פהיזישע, אזוי אויך גייסטיגע און זיטליכע אָהן א שום מורא. דען איז ניט פאַראַן קיין קאָנטראָלע, וואָס זאָל דיזע אונגליקליכע פערטהיידיגען. אונטער דעם מאַנטעל פון „פּאַטריאַרכאַלישע" פאַמיליען בעציהונגען ווערען דיזע „דינער" אויסגענוצט ניט בלויז פהיזיש — זיי ווערען אויך פערדומט און פערנאַרעשט. „דיא גייסטיגע פעהיגקייטען ווערען טעמפּיג, דיא פּסיכאָלאָגיע פערשקלאַפּט, און עס איז זעהר שווער צו פיהרען צווישען זיי א געוויסע אויפקלערונגס־אַרבייט."

דיא גאַנצע קאָנפערענץ האָט געטראָגען א אייגענאַרטיגען, עכט פּראָלעטארישען כאַראַקטער.

אין געגענזאַץ צו דיא גענאָסען אויף'ן פּאַרטיי־טאַג, צווישען וועלכע עס זיינען געוועזען זעהר פיעל אינטעליגענטען, זיינען דיא דעלעגירטע אויף דער פרויען־קאָנפערענץ כמעט דורכאויס געוועזען פון דעם אַרבייטער־קלאַס. דארויף האָבען קלאָהר געוויעזען די געלע, פער'חושך'טע געזיכטער, אויף וועלכע עס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט דער דרוק פון לאַנג־יעהריגע ליידען און ערנידערונגען. דאָס איז געוועזען א עכטע פּראָלעטארינען־קאָנפערענץ. דיא הויכע שלאַנקע פיגור אין ערנסטער און געזונדער אויסזעהן פון לילי ברוין און דיא אָבגעשוואַכטע אָבער אינטעליגענט אויסזעהענדע— קלאַרא צעטקין זיינען געוועזען דיא איינציגע אויסנאַהמען. יעדער פרעמדער צושויער האָט גלייך בעמערקט, אז דיזע ביידע „אויסנאַהם פערזאָנען" זיינען געבוירען און אויסגעוואַקסען אונטער גאַנץ אנדערע בעדינגונגען און פערהעלטניסען, וויא דיא איבעריגע דעלעגירטע. ווען ציעטץ און גרינבערג האָבען געשילדערט דיא שרעקליכע לאַגע פון דיא ארבייטערינען אויפ'ן לאַנד און פון די דינסט־מיידלאך אין שטאָדט, און האָבען אַרויסגערופען א גרויסע אויפרעגונג ביי'ם פּובליקום, זיינען דיזע פרויען וועניג וואָס נתפעל געוואָרען. משמעות, אז אזוינע סצענעס זיינען פאַר זיי קיין נייעס ניט.

אויף'ן צווייטען טאָג פון דער קאָנפערענץ האָט קלאַרא צעטקין געהאַלטען איהר פאָרטראַג איבער „דיא פרויען־שטימרעכט." אין א שטרייג וויסענשאַפטליכער פאָרמע האָט צעטקין געגעבען א היסטאָרישען איבערבליק איבער דיא פערשיעדענע בעוועגונגען אין דיא נוטצען פון דער וואַהל־רעכט פאַר פרויען אין פערשיעדענע צייטען און פערשיעדענע לענדער. זיא האָט אויך געוויעזען דעם גרויסען אונטערשייד צווישען דער בירגערליכער פרויען־בעוועגונג און דער פּראָלעטארישער. דיא ערשטע שטרעבט צו בעקומען וואַהל־רעכט אום אונטערצוהאַלטען און צו שטיצען דיא קלאַסען־העררשאַפט, דיא צווייטע — אום דיזע העררשאַפט צו בעזייטיגען און ממילא מוזען אויך פאַר דיזע פאָדערונגען דיא פּראָלעטאריער פרויען קעמפּפען איינער אליין, מיט אייגענע כחות. זיא האָט ווייטער בעוויזען, אז דאָס איצטיגע שטרעבען פון דיא פרויען צו פאָלקאָמע גלייכבערעכטיגונג געהט ניט ארויס פון דעם דעמאָקראַטיש־אוטאָפּיסטישען אָדער עטהישען שטאַנד־פּונקט, דאָס דיא פרוי דאַרף זיין אין אלעם אויסגעגלייכט צום מאַן, ווייל זיי האָבען איינע און דיעזעלבע נאַטור. דיא איצטיגע פרויען־בעוועגונג —מיינט דיא רעפערענטין— איז א רעזולטאַט פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג. דיא סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אומשטענדען, וועלכע האָבען אָבגעריסען דיא פרוי פון איהר איינגען פאַמיליען־קרייז און ארויסגעוואָרפען אויפ'ן מארק, וואו זיא איז געוואָרען א נויטהיגער מיטגליעד אין דער אינדוסטריע, זיינען דיא איינציגע אורזאַכען פון דער מאָדערנער פרויען בעוועגונג. דיא עקאָנאָמישע ראָליע, וועלכע דיא פרוי פערנעהמט אין דער היינטיגער געזעלשאַפט צווינגט און טרייבט זיא צו נעהמען א גלייכען אנטהייל אויך אין פּאָליטישע אנגעלעגענהייטען. וואָס מעהר דיא מאַשינע צושטערט דעם פּאַטריארכאַלישען פאַמיליען־לעבען אַלס מעהר ווערען רעוואָלוציאָנירט דיא מחות, אַלס מעהר פאַנגט אָן דיא פרוי צו פיהלען, וויא ווייט נויטהווענדיג עס איז פאַר איהר דיא פּאָליטישע גלייכבערעכטיגונג. דיא פרוי וויל ניט פערנעהמען דיזעלבע שטעלע פון מאַן, נור אַ גלייכע שטעלע, ווייל אין אמת'ן — איז צעטקין איבערצייגט — איז אונפערמיידליך א געוויסע צוטהיילונג פון דער געזעלשאַפטליכער ארבייט צווישען ביידע געשלעכטער. יעדער געשלעכט דאַרף און מוז נאָר אויספיהרען דיא ארבייט, וועלכע איז מעהר צוגעפּאַסט צו זיין נאַטור און לאַגע, אָבער דערמיט איז נאָך ניט געזאָגט, אז די ארבייט פון איין געשלעכט דאַרף שטעהען העכער, וויא דיא ארבייט פון צווייטען געשלעכט. דיא ארבייט פון דער פרוי איז ניט וועניגער נוטצליך, וויא דיא ארבייט פון מאַן און דעריבער מוז דיזע ארבייט ווערען ניט וועניגער געשאַצט און געאַכטעט, וויא דיא ארבייט פון מאַן. דיא האַרמאָנישע ארבייטס־צוטהיילונג און דיא

גלייכע רעכטען זיינען דיא איינציגע, וועלכע קענען לעזען דיא פרויען־פראגע.

דיא טיעפע חריפות און דיא אויסגעהאלטענע פעסטע לאָגיק, מיט וועלכע צעטקין האָט ענטוויקעלט דיזע, הגם שוין בעוואוסטע געדאנקען, האָט ארויסגערופען א שטארקע בעוואונדערונג צווישען דיא צוהערער.

אין דער דיסקוסיאָן האָט זיך אויך בעטהייליגט בעבעל, וועלכער האָט בעוויעזען, וויא פאַלש עס איז דיא מיינונג פון פיעלע פארטייגענאָסען אין עסטרייך, בעלגיען און שוועדען, וואָס זיינען קעגען פרויען־שטימרעכט, מורא־האָבענדיג, אז דיא ארבייטער־פרויען, וועלכע זיינען נאָך פערפלאָנטערט אין דיא נעטצען פון פאַנאַטיזמוס, וועלען אָבגעבען זייערע שטימען פאר דיא רעאַקציאָנערען. „איך אליין — דערמאָהנט בעבעל זיינע אמאָליגע זינד — איך אליין בין אין אָנפאנג פון דיא 60־ציגער יאָהרען אויפגעטרעטען קעגען לאסאלן, וועלכער האָט געפאָדערט דיא אלגעמיינע שטימרעכט פאר ארבייטער, אויס דעם אייגענעם טעם, מיט וועלכע דיא געגנער פון פרויען וואהל־רעכט בעגרינדען איצט זייער מיינונג. דיא וויטערדיגע ענטוויקלונג אין דיא גאנצע געשיכטע פון דייטשען רייכסטאג האָט מיר שפעטער בעוויזען, וויא פאלש עס איז געוועזען מיין דאמאָליגע איבערצייגונג און וויא אונגערעכט איך בין געוועזען קעגען לאסאלן. „פרייהייט און גלייכהייט“ מוז גילטען פיר אלעמען, וועלכע טראָגען דעם נאָמען „מענש“. מיר מוזען קעמפפען פאר יעדע ריכטיגע פאָדערונג, הגם דאָס קען אין אָנפאנג שאַדען אונזער פארטיי. דאָס וועט אונז אָבער צווינגען צו פיהרען א שטאַרקערע און מעהר אינטענסיווע אַגיטאַציאָן צווישען דיא אָבגעשטאַנענע עלעמענטען.“

צעטקין'ס פאָרגעלעגטע רעזאָלוציאָן אין דעם זין פון איהר רעפעראַט איז איינשטימיג אנגענומען געוואָרען.

נאָך צוויי טעג פון ערנסטע און פלייסיגע ארבייט האָט זיך דיא פרויען־קאָנפערענץ געענדיגט מיט א בעגייסטערטען „הויך“ פאר דיא אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. און אלע דעלעגירטע, קאָרעספאָנדענטען און סתם געסט לויפען מיט גרויס איילעניש צום וואונדער־שעהנעם „ראָזענגארטען“, וואו עס דארף פאָרקומען דער יום־טוב'דיגער קבלת פנים לכבוד דיא דעלעגאטען, וואָס זיינען געקומען צום פאַרטיי־טאַג.

מאנהיים. ענדע סעפטעמבער.

מיין חברת'ע.

וויא אין טויטען שלאָף פערזינקען
דרעמעלט אלץ ארום,
נאָר דער ווירבעל־ווינד אין דרויסען
אוילט און זיפצעט שטום.

און קאראבקעט שטיל דאָס פענסטער,
רייסט זיך דורך'ן שויב,
וויא איין עלענדע און קראנקע
און פערריאגטע טויב . . .

און א שאָרך... א שטילעס קלאפען,
הער איך אין מיין טהיר . . .
ווער'ען האָט דיא נאכט פערטריבען,
אזוי שפעט צו מיר ?

און איין אלט בעקאנטע שטימע,
הער איך: לאָז אריין,
כ'בין דיין חבר'טע, דיין אומעט,
כ'בין דיין פיין, דיין פיין !

מאני לייב.

* * *

און דאס בלאסע לעבען
האָט קיין זינן ;
גרויע וואָלקענס שוועבען,
וואו איך בין . . .

און דאָס פינסטערניס ארום —
שווארין געדיכט ;
און איך בלאָנדזשע אום
אָהן א ליכט . . .

און איך וואנדעל אום פערצאָגט
וויסט אָן שווארין ; —
עפעס רייסט עס ווילד, און נאָגט
ס'מיועדע הארין . . .

און דאָס בייִנקעניש איז גרויס
אָהן א מאָס ! . . .
עפעס ווילט זיך . . . נור איך ווייס
אליין ניט וואָס . . .

יוסף טונקעל.

דיא עקאנאמישע לאגע פון איינגעוואנדערטע אידען

פון דר. י. מ. רובינאָוו.

אין יאָהר 1903 האָבען אימmיגרירט אין דיא פעראייניגטע שטאַאַטען 812,870 מענשען; פון זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט אין שטאַאַט ניו־יאָרק 263,150 אָדער 37 פּראָצענט. אידען זיינען געקומען אין יענעם יאָהר 106,236, פון זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט אין שטאַאַט ניו־יאָרק 68,693 אָדער 65 פּראָצענט.

דאָסזעלבע קען מען בעמערקען אויך אין פאָלגענדען יאָהר. פון 1,026,499 אימmיגראַנטען; האָבען זיך אָבגעשטעלט אין שטאַאַט ניו־יאָרק 315,510 אָדער 31 פּראָצענט. און פון 129,410 אידען האָבען זיך אָבגעשטעלט אין ניו־יאָרק 83,724 אָדער 64 פּראָצענט.

אמת דער שטאַאַט ניו־יאָרק ענטהאַלט א סך שטעדט חוץ ניו־יאָרק אליין, דערפאַר קען זיין, אַז אויף ניו־יאָרק זעלבסט וועט אויסקומען אין גאַנצען אַרום 60—50 פּראָצענט, אָבער יעדענפאַללס לאָזען דיא אויבענגעבראַכטע ציפערן קיין ספק דאַריבער ניט, אַז דער גרעסטער טהייל אידען בלייבט אין ניו־יאָרק. וויא בעקאַנט האַלטען עס פיעלע פאַר א געוואַלדיגען אונגליק.

דיא אמעריקאַנער, הויפּטזעכליך יענע, וועלכע אַגיטירען געגען דיא אימmיגראַציאָן בכלל, הערען ניט אויף צו שרייען, אַז דיא אימmיגראַנטען פערפלייצען דיא שטעדט. אין דער אמעריקאַנער פּרעססע האָט זיך זאָגאַר פעסטגעזעצט דיא מיינונג, אַז אַן אימmיגראַנט, וואָס פאָהרט אוועק טיעף אין לאַנד, איז א גוטער אימmיגראַנט און דער אימmיגראַנט, וואָס פערבלייבט אין א גרויסע שטאָדט איז א שלעכטער אימmיגראַנט.

מיר האָבען שוין געזעהען, וויא נאַאיוו אַזא שטאַנדפּונקט איז און וויא דיא אמעריקאַנער פאַרמער צ. ב. ש. פּראָפּיטירען דאַפון. אָבער נאָך נאַאיווער איז, דער שטאַנדפּונקט, וועלכער האַלט פאַר בעזונדערס שעדליך דיא קאָנצענטראַציאָן פון דיא אידישע אימmיגראַציאָן.

דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פון אַללע „יהודים,“ (ניט פון דיא אידען, נאָר פון דיא „יהודים“־וואָהלטעטער) צווישען וועלכע עס זיינען דאָ פיעל גוטע מענשען, וואָס האָבען איין פעהלער: זיי הייבען ניט אָן צו פערשטעהען עקאָנאָמישע פראַגען. דערצו נאָך קומט צו זייער געוואַלטיג־גאוה׳דיגע און אונפריינדליכע פערהאַלטען זיך צו דעם „איינפאַכען רוסישען אידען.“

דיא נאָטהווענדיגקייט פאַר דיא אידען אוועקצופאָהרען פון ניו־יאָרק ווערט בעוויעזען פון דיעזע וואָהלטהעטער און זייערע פּראָפעסאָרען, זייערע פּריידיגער, זייערע זשורנאַליסטען טאָג טעגליך שוין עטליכע יאָהר. אָבער זיי בענוגענען זיך ניט מיט בלויזע דרשות.

ווער פון אייך לעזער, קען ניט זייער אָפּיס אויף דער צווייטער עוועניו, פון וואַנען מען מאַכט „מופען“ דיא אידען טיעף אין לאַנד? אַלע יאָהר ווערען ארויסגעשיקט פון ניו־יאָרק אין פערשיעדענע קליינע און גרויסע אמעריקאַנער שטעדט עטליכע טויזענד מענשען. געגען דיעזע ארבייט האָב איך, נאַטירליך, גאָר ניט איינצווענדען.

ווען חאַצקעל ווילל פאָהרען צו זיין קאָזין בעריל אין סינסינעטי און דער „אָפּיס“ גיט א בילעט ניט נאָר איהם, זאָנדערן אויך זיין ווייב און זיינע זיעבען קינדער, איז דאָס געוויס א גוטע זאַך. אָבער פאַר וואָס האַלט עס דער רעמאָוועל אָפּיס און דיא מענשען וואָס פיהרען איהם (מעהר ניט וויא פיהרען, ווייל דער „אָפּיס“ ווערט אויפגעהאַלטען פון דעם באַראָן הירש׳ס געלד און ניט פון זייערע) פאַר אַזא הייליגע זאַך? פאַר וואָס דענקען זיי, אַז מיט׳ן אוועקשיקען א אידען פון ניו־יאָרק העלפען זיי דעם אידישען פאָלק?

הערט צב״ש. וואָס עס זאָגט דער פּראָפעסאָר לאוב איינער פון די ברענענדיגע פאַרטהיידיגער פון דער אידעע וועגען צושפּרייטען די אידען איבער׳ן לאַנד און איינער פון דיא אונסימפּאַטישעסטע פון דיא אידישע וואָהלטהעטער: „דיא ערפאַהרונג האָט בעוויעזען, אַז דער אידישער אימיגראַנט קען זיך איינריכטען אָהן הילף מן הצד, הויפּטזעכליך ווייט פון דער גהעטא.“ („אמעריקאַן היברו“, מאַרטש 20 1903). איהר הערט, ווייט פון דער גהעטא! און ווער גיט זיי חיונה אין דער גהעטא?

„דיא אידען וועט מען ניט ערלויבען אריין אין לאַנד, ווען עס וועט ווערען קלאָהר, אַז זיי ווילען עסען אמעריקאַנער ברויט, ניט איבערנעהמענדיג דיא אמעריקאַנער זיטען.“ כלומר׳שט וויא איהר, ר׳ איד, וואָלט עססען אומזיסטע אמעריקאַנער ברויט! נאָך א בכבוד׳יגער איד, סולצבערגער, שרייבט: „אין דער איסט־סייד איז

ניטא קיין ארט, זאל יעדער וואס וויל, אוועקפאהרען פון דער געהטא". דער דירעקטאר פון דיא „יונייטעד היברו טשאריטי" שרייבט, אז נאך איהר געאגראפישע לאגע, קען ניו־יארק ארייננעהמען א בעשרענקטע צאהל מענשען און דערפאר מוז מען זיך סטארען פארנאנדערצושיקען דיא אידען איבער דיא קליינע שטעדט. דער פערוואלטער פון „רעמואוול אפיס" וויעדערהאלט מיט פערגניגען דיא ווערטער פון אימיגראציאנס־קאממיסאר סארדזשענט: „דיא קאלאניען פון דיא איממיגראנטען אין אונזערע גרויסע שטעדט איז א סכנה פאר דעם פיזישען, מאראלישען און פאליטישען וואהלשטאנד פון אונזער לאנד. דיעזע קאלאניען זיינען פראפאגאנדא־נעסטען פון יענע שעדליכע אידעען וועגען פאליטישע און פערזענליכע פרייהייט — וועלכע דריקען זיך אויס אין אונגעהארכזאמקייט געגען דער רעגיערונג."

אזוי רעדט אן אמעריקאנער בעאמטער און נאך איהם וויעדערהאלט עס דער פערוואלטער פון „רעמואוועל אפיס", וועלכער דריקט אויס נאטירליך דיא געדאנקען און דיא ווינשע פון אלע דיעזע אידישע וואהלטהעטער. מיר האבען דא אלזא צו טאהן מיט א גאנצע רייהע ארגומענטען — עקאנאמישע, סאציאלע און פאליטישע. און גערארע ווען מען שטויסט זיך אן אויף דיא לעצטע, וויללט זיך א געשריי טאן: „דא ליעגט דער הונד בעגראבען." מענשען פערטהיידיגען דעם „רעמואוועל", ווייל זיי האלטען פאר נויטהיג דיא אמעריקאניזירונג פון דיא איממיגראנטען, ווייל זיי וויללען זיי רעטען פון רעוואלוציאנערע (ד. ה. פון סאציאליסטישע) אידעען.

מיר ווילען דא ניט אנאליזירען דיעזע ארגומענטען, מיר קענען בלויז זאגען, אז וויא צופריעדען מיר זאלען ניט זיין מיט דער טהעטיגקייט פון רעמואוועל אפפיס, דיא ארגומענטען אבער פאר זיין טהעטיגקייט זיינען עמפערענדע.

א ערנסטע אויפמערקזאמקייט פערדיענט דער עקאנאמישער ארגומענט — אבער דא מוז מען ניט וויללענדיג זיך איבערצייגען אין דיא גאנצע האפנונגס־לאזיגקייט פון זייערע אנשטרענגונגען; ווייל אויף יעדען אידען, וואס זיי געלינגט אוועקצופיהרען פון ניויארקער געהטא, קומען צו אין ניו־יארק 10 אדער 15 נייע, ניט רעכענענדיג שוין יענע, וועלכע ווערען געבארען אין ניו יארק. אויף אזא אופן, אויב זייער מורא האט א גרונד, אויב דער וואוקס פון דער צאהל אידען אין ניו־יארק איז א געפעהרליכע ערשיינונג, וועלען זיי דיעזע געפאהר ניט קענען אויסמיידען און דיא אידען אין ניו־יארק וועלען מוזען אונטערגעהען, דערשטיקען איינע דיא אנדערע.

אבער צו איז ווירקליך דער וואוקס פון דער אידישער בעפעלקערונג אין ניו־יארק א שעדליכע ערשיינונג? אום צו ענטפערן אויף דיעזע פראגע, דארפען מיר צוערשט וויסען, מיט וואס דיא אידען אין ניו יארק בעשעפטיגען זיך, וויפיעל זיי פערדיענען, וויא זיי לעבען א. ז. וו.

פערגלייכענדיג דיא לאגע פון אידען אין ניו־יארק מיט זייער לאגע אין אנדערע שטעדט, וועלען מיר קענען קריטישער בעטראכטען דיא ארגומענטען וואס ווערען ארויסגעשטעלט פאר דיא נויטהווענדיגקייט פון דער צושפרייטונג פון דיא אידען אויפ'ן לאנד.

מיט וואס בעשעפטיגען זיך דיא רוסישע אידען אין אמעריקא? דארויף גיעבען דיא אפיציעלע סטאטיסטישע צאהלען זעהר אינטערעסאנטען ענטפער, הויפטזעכליך אין בעצוג אויף דיא שטאדט ניו־יארק.

אויף יעדע הונדערט ארבייטענדע מענער איז אויסגעקומען אין יאהר 1900:

	אין נויארק בכלל	רוסישע אידען
אינטעליגענטע פראפעסיאנען	6	3
הויז דיענער	19	5
האנדעל און פערקעהר	37	31
אינדוסטריע	38	61

דיא רוסישע אידען זיינען, וויא ידוע שנאדער, פוילער, שאכערמאכער א. ז. וו. דאס וויעדערהאלען פיעלע יאהרהונדערטע דיא אנטיסעמיטען פון אללע לענדער ביז דעם קאטוילישען גלח אין ברוקלין בכלל. און מיט אמאל גאר אזא מעשה: אין ניו־יארק בכלל בעשעפטיגען זיך 37 פון הונדערט מיט האנדעל און צווישען אידען בלויז 31. אין אינדוסטריע, ד. ה. לוין־ארבייטער מאכען אויס אין ניו־יארק בכלל 38 און אידען 61 פון הונדערט. די אידען געהען פאלגליך ניט אזוי פיעל אריין אין מסחר ווי זיי געהען צו דער ארבייט. אין הויז־שטעלען און אנדערע עהנליכע ארבייטען געהען זיי גאר ניט. נאך אינטערעסאנטער זיינען דיא צאהלען וועגען ארבייטענדע פרויען.

אויף 100 בעשעפטיגטע פרויען איז אויסגעקומען.

	אין ניו־יארק בכלל	רוסיש־איד. פרויען
אינטעליג. פראפעסיאנען	6	2
הויזשטעללען	40	13
האנדעל	18	14
אינדוסטריע	36	71

אידישע פרויען אנטלויפען פון הויז־שטע־

לען און געהען אין די פאבריקען, און צו אינ־דוסטריע־ארבייט, מיר האבען דא אלזא אן ענט־פער אויף איינע פון די פראגען וואס אינטערע־סירען אונז. אנ'ערך פון צוויי דריטעל פון אלע רוסישע אידען אין ניו־יארק זיינען פאבריק־אר־בייטער, וועלכע לעבען פון וועכענטליכען לוין. דאצו דארף מען נאך צורעכענען דיא מענשען, וועלכע דיענען אין האנדעלס־געשעפטען און וועלכע פארנעהמען הויז־שטעלען, — דאן וועט אויסקומען דיא צאהל פון פראלעטאריער 80 אויף יעדע 100 אידען. דיא פראגע וועגען דיא לאגע פון דיא אידישע מאססען אין ניו־יארק, איז אלזא דיא פראגע וועגען לוין־ארבייטער.

איהר ווייסט, נאטירליך, בעסער וויא איך, אז אין ניו־יארק זיינען דא א סך רוססישע אידען פאבריקאנטען, גרויסע געשעפטס־לייט, לענד־לארדס, רייכע דאקטוירים, אדוואקאטען א. ז. וו. אז אין דיא לעצטע 25 יאהר האבען פיעל טוי־זענדע אידען פון ניו־יארק געמאכט פערמעגענס. נאר אזוי וויא דיא רוססיש אידישע בורזשואזיע לעבט זיך ב"ה ניט שלעכט (און פארוואס זאלען זיי ניט לעבען גוט, ווען זיי האבען כמעט א גאנ־צען מיליאן אידען צום עקספלאאטירען!), דער־פאר איז וועגען איהר עקאנאמישע לאגע ניטא קיין פראגע, און וועגען דיא אידישע בורזשוא־זיע האבען מיר ניט וואס צו ברעכען זיך דעם קאפ.

איהר ווייסט דאך מן הסתם, אז דיא הויפט־בעשעפטיגונג פון דיא אידען איז שניידעריי, אדער נעה־ארבייט בכלל אין אירגענד וועלכער פארם. פון 100 בעשעפטיגטע רוסישע אידען האבען אין יאהר 1900 געארבייט 34 דערביי און פון יעדע 100 בעשעפטיגטע רוסיש־אידישע פרויען האבען 55 געארבייט ביי נעה־ארבייט. רעכענענדיג ביידע געשלעכטער צוזאמען קומט אויס 40 פון 100, און נעהמענדיג נור דעם בא־לאנס פון אידישע ארבייטער, קומט אויס, אז כמעט 60 פון הונדערט פערדיענען זייער ברויט מיט'ן נאדעל אדער מיט'ן נעה־מאשין. דיעזע זארט ארבייט איז בערך נאך ניט שווער צו קרי־גען, און ניט שווער זיך אויסצולערנען. און דער־פאר זיינען דיא פערדיענסטען פון דעם אידישען שניידער דורכשניטליך ניט בעסער וויא דיא פערדיענסטען פון אנדערע אידישע ארבייטער. נאך דער לאגע פון דעם אידישען שניידער קע־נען מיר אורטהיילען איבער דיא לאגע פון דעם אידישען ארבייטער אין אלגעמיין.

לאמיר זיך אומקעהרען יעצט אויף א מי־נוט צוריק צו דער סטאטיסטיק. נאך דיא רעכ־נונגען וואס איך האב געמאכט אויף גרונד פון אפפיציעלע קוועלען, איז דער וועכענטליכער פערדיענסט געווען:

	מענער	פרויען
אין אלע צווייגען פון אינדוסטרי אין ניו יארק.	$12,38	$6,42
ארבייטער ביי מענער־קליידער	$12,26	$6,34
ארבייטער ביי פרויען־קליידער	$12,62	$4,86

וואס בעווייזט דיעזע טאבעללע? עס זיי־נען דא, נאטירליך, טויזענדע שניידער וואס פערדיענען מעהר וויא 12 דאלאר א וואך און טויזענדע שניידער, וואס פערדיענען וועניגער וויא 12 דאללאר, אבער אין דורכשניט איז דיא לאגע פון אידישען שניידער אין ניו־יארק ניט ערגער וויא דיא לאגע פון ניו־יארקער ארביי־טער אין אללגעמיין. דיעזער שלום איז זעהר וויכטיג.

עקאנאמיש אויף אזא אופן איז אין ניו־יארק ניטא קיין אידישע פראגע און עס איז דא נאר אן ארבייטער פראגע. דער לעזער דארף חלילה ניט דענקען, אז איך וויל בעווייזען וויא גוט עס איז דעם אידישען ארבייטער אין ניו־יארק. נאר וואס איך וויל בעווייזען איז, אז איהם איז ניט ערגער וויא דעם ארבייטער אין אללגע־מיין, בעזונדערס וויא דעם ארבייטער־אימיג־ראנט. סטראשעט מיר ניט מיט דיא בעשרייבונ־גען פון דער ארמוט פון דער אידישער מאסע. איך האב זיא געזעהען צעהן יאהר מיט מיינע אייגענע אויגען. אבער איך האב אויך געזעהען דיא אירישע גהעטא, דיא איטאליענישע א. ז. וו. איך האב געזעהען דיעזע געטאס אין ברוק־לין, און איך פערזיכער אייך, אז אזא ארמוט וויא מען קען געפינען צווישען דיא דייטשען, איטאליענער, אירלענדער אין דיא ברוקלינער פריטאנען, קען מען צווישען דיא אידען ניט גע־פינען.

נאמיר יעצט פראבירען פערגלייכען דיא לא־גע פון אידישען שניידער אין ניו־יארק און אנ־דערע שטעדט. עס שטעללט זיך ארויס, אז דער וועכענטליכער פערדיענסט ביי פארטיגע מענער־קליידער איז:

	מענער	פרויען
אין ניו יארק	$12,26	$6,34
אין שיקאגא	11,86	6,12
אין פילאדעלפיא	12,40	6,38
אין דיא איבריגע שטעדט	9,98	4,62
אין אלע פעראייניגטע שטאאטען	11,36	5,08

ד. ה. אז דער לוין אין דיא גרויסע שטעדט איז א סך גרעסער וויא אין דיא קליינע שטעדט!

דאסזעלבע איז אויך ריכטיג אין דער אינ־דוסטריע פון פערטיגע פרויען־קליידער.

דער לוין:

	מענער	פרויען
אין ניו־יארק	$12,62	$6,86

אין שיקאגא	13,14	5,12
אין פילאדעלפיא	10,80	5,16
אין דיא איבריגע שטעדט	10,02	4,90
אין אלע פעראייניג. שטאטען	12,10	5,86

מיר קענען אלזא מאכען א וויכטיגען שלוס: דער אידישער שניידער פערדיענט אין דיא גרויסע שטעדט מעהר וויא אין דיא קליינע שטעדט, איז דען א וואונדער, וואס ער בלייבט אין דיא גרויסע שטעדט?

אבער, וועט מען מיר זאגען, וואס איז דיא פעולה פון דיא גרעסערע פערדיענסטען? דאס לעבען אין דיא גרויסע שטעדט איז אזוי פיעל טהייערער, אז דעם ארבייטער דאכט זיך בלויז, אז ער פערדיענט מעהר, אין דער ווירקליכקייט אבער בלייבט איהם נאך וועניגער.

איז דאס אזוי?

אלע בעקלאגען זיך דארויף, וואס אין דיא גרויסע שטעדט און הויפטזעכליך אין ניו־יארק איז טהייער לעבענסמיטעל; אבער זעהר וועניג מענשען וועלען דאס קענען בעווייזען. נאטירליך אין דיא גאנצע קליינע שטעדטלאך זיינען סאי וואהנונגען, סאי לעבענסמיטעל בעדייטענד ביליגער, אבער אין אזא שטעדטיל האט דער אידישער ארבייטער ניט וואס צו טאן. און אין שטעדט מיט הונדערט טויזענד און דריי הונדערט טויזענד איינוואהנער זיינען דיא לעבענסמיטעל ניט קיין סך ביליגער וויא אין ניו־יארק.

דער ארבייטער גיט אויס זיינע פערדיענסטען אויף דריי זאכען: וואהנונג, שפייז און קליידונג. אמת, וואהנונג איז אין ניו־יארק עטוואס טהייערער, נאר אויך ניט קיין סך. דערפאר אבער, פערדאנקענדיג דעם גרויסען אייזענבאהן־פערקעהר, איז לעבענסמיטעל אין ניו־יארק ביליגער וויא אין אזעלכע שטעדט וויא באלטימארע, סינסינעטי, אדער סיראקיוז. און קליידונג און איבערהויפט צעהנדליגע זאכען, וואס מיר רופען אן דריי־גודס, זיינען אין ניו־יארק, וואו מען מאכט זיי, א סך בילליגער וויא אנדערסוואו.

דיא ניו־יארקער ארבייטער גיעבען אויס מעהר, ערסטענס, דערפאר, וויל, וויא מיר האבען געזעהען, פערדיענען זיי מעהר, און צווייטענס דערפאר, וויל אין ניו־יארק איז מען איינגעוואהנט בעסער צו לעבען; און פיהרען א העכערן סארט לעבען, איז פאר דעם ארבייטער גאר ניט קיין שלעכטע זאך.

ווירקליך, זייענדיג אין א סך אמעריקאנער שטעדט. אין באפפאלא, באלטימארע, סט. לואיס, ניו־ארלעאנס און אנדערע, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז אין ערגיץ לעבט דער אידישער ארבייטער ניט אזוי גוט, וויא אין ניו־יארק.

אלס בעווייז פאר דיעזען פאקט וועלען מיר ברענגען נאך עטליכע ציפפער.

וויא בעקאנט, ארבייטען ביי אללע סארטען שניידער־ארבייט אויך פרויען און קינדער. נאר נאטירליך, געהען ניט קיין פרויען און קינדער ארבייטען אין דיא פאבריק פון נחת וועגען. זיי געהען פון נויט. און דערפאר איז אינטערעסאנט צו בעווייזען וויפיעל עס קומען אויס פון יעדער הונדערט ארבייטער פרויען און קינדער.

עס ארבייטען אויף יעדע הונדערט ארבייטער — פרויען:

	ביי מענער קליידער	ביי פרויען קליידער
אין ניו־יארק	34	57
שיקאגא	64	88
פילאדעלפיא	35	71
אנדערע שטעדט	73	85

ד. ה. אם וועניגסטען ארבייטען פרויען און קינדער אין נויארק. צו דען בעווייזט עס, אז אין אנדערע שטעדט לעבט זיך דעם אידישען ארבייטער בעסער?

איך וויים, אז מען וועט מיר בעשולדיגען אז איך רעד איין די אידען צו פערבלייבען אין ניו־יארק און אז דאמיט ברענג איך זיי א גרויסען שאדען. איך רעד קיינעם ניט איין, איך ערקלעהר נור פאר וואס אפט קומען מענשען צוריק טיעף פון לאנד אין ניו־יארק.

מענשען וואס קומען אין אמעריקא, פרעגען זא וויא זא ניט דיא „צוקונפט“ וואוהין זיי זאלען פאהרען. זיי פרעגען זייערע פריינד און קרובים און פאהרען אהין, וואו זיי האפפען אויף פריינד. נאר דיא, וועלכע סטארען זיך מיט אלע קרעפטען אוועקצושיקען דיא אידען וואס ווייטער האבען זיך ניט געגעבען דיא מיה אויסצושטודירען דעם ווירקליכען צושטאנד פון דער פראגע.

און דערפאר גיעבען זיי זיך זעלטען אב א רעכנונג. פאר וואס דער פערדיענסט פון אידען אין ניו־יארק איז גרעסער וויא אין צענטער פון לאנד. איין אורזאכע איז נאטירליך, דאס, וואס אין ניו יארק וואו דער אינדוסטריעלער קאפיטאל איז אזוי גרויס, איז דיא נאכפראגע אויף ארבייט זעהר גרויס. אבער דאס איז ניט דיא איינציגע אורזאכע. ענטקעגען דיעזע שטארקע נאכפראגע איז דאך דאס ניט קלענערע אנגעבאט פון דער זייט פון דער גרויסער אימיגראציאן. עס איז אבער דא אן אנדער אורזאכע, און דאס איז די אידישע ארבייטער־יוניאנס. עס איז א פאקט, אז שוין אין יאהר 1901 האט די אפיציעלע סטאטיסטיק פון דעם ניו־יארקער ארבייטער־ביורא אויפגעוויעזען 25,000 טויזענד ארבייטער אין

דיא שניידער יוניאָנס, פון וועלכע די גרעסטע צאָהל זיינען אידען.

און צו וועט איהר געפינען אין אמעריקא אויסער צוויי דריי שטעדט אידישע ארבייטער יוניאָנס?

נאָר אויסער דיא גרעסערע פערדיענסטען זיינען דאָ נאָך אורזאכען און מאָטיווען פאר וואָס מיר האַלטען ניט דאָס שנעלע אימיגרירען אין דיא קליינע שטעדט פאר ווינשענסווערטה. דיעזע אורזאכען וועלען מיר ערקלעהרען אין אונזער נעכסטען ארטיקעל, וועלכער וועט זיין, וויא מיר האָפפען, דער לעצטער. *)

*) דעם געעהרטען רעדאקטאָר פון „צוקונפט" האָט מען אויסגעזידעלט דערפאר, וואָס ער צושניידט דיא ארטיקלען פון זיינע מיטארבייטער אויף שטיקלאך. מען האָט דערביי דערמאָנט אויף מיינע ארטיקלען... דערפאר געפין איך פאר רעכט צו ערקלעהרען, אז איך אליין האָב געשריעבען מיינע ארטיקלען שטיקלאכוויס. מיין ערשטער ארטיקעל איז אָנגעשריעבען געוואָרען נאָך אין מאי און וויא איהר זעהט, האָב איך נאָך אלין ניט געענדיגט. דער רעדאקטאָר האָט דערמיט גאָר ניט צו טהון.

י. ר.

דער סאָציאַליזמוס אין גאַליציען

פון פיליפ קראַנץ.

2). דיא פּ. פּ. ס. און דיא „סעפּאראטיסטען."

אין פאָריגען ארטיקעל האָב איך אָנגעדייטעט, אז ווען דאָס אלגעמיינע שטימרעכט וועט דורכגעפיהרט ווערען אין עסטרייך, וועט דער שטרייט צווישען אידישע סאָציאַליסטען פערשטארקט ווערן דורך דיא אידיש־נאַציאָנאַלע פראגע. ווילענדיג אָדער ניט־ווילענדיג וועלען זיי מוזען נעהמען א בעשטימטע שטעלונג צו איהר און זיך רעכענען מיט איהר, דען זיא ענטוויקעלט זיך דאָ ניט נאָר אין דיא רייהען פון דער קליין־בורזשואזיע, צווישען דיא קלאַסען, פון וועלכע דיא ציוניסטען שעפּען געוועהנליך זייערע קרעפטע, זאָנדערן אויך צווישען דיא אַרבייטער.

דיא סעפּאראטיסטען, (די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי), וועלכע בעקעמפּפען יעצט אזוי פייערדיג דיא פּועלי־ציוניסטען אין זייער וועבענטליכען אָרגאַן „דער סאָציאַל־דעמאָקראַט" און אויף זייערע פערזאַמלונגען, זיינען אייגענטליך אַליין אויך דורכגעדרונגען מיט אידיש־נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. זיי זיינען טאַקע סאָציאַל־דעמאָקראטען, אָבער זיי שטעלען אויך געוויסע ספּעציעל אידישע פאָדערונגען, וועלכע עס איז זעהר שווער צו אונטערשיידען פון עהנליכע פאָדערונגען פון דיא פּועלי־ציוניסטען אָדער ציוניסטען־סאָציאַליסטען.

איך זעה קיין שום גרונד ניט צו צווייפלען אין דער אויפריכטיגקייט פון דיא פּועלי־ציוניסטען, ווען זיי זאָגען, אז זיי זיינען סאָציאַליסטען. איך האָב דאָ קענען געלערנט פערטרעטער פון אַלע פּאַרטייען און גרופּען, וועלכע שטרעבען צו אָרגאַניזירען דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט אין גאַליציען, און זיי האָבען אַלע געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון עהרליכע און אויפריכטיגע מענשען. אין מאַנכע פּונקטען זיינען דיא אונטערשיעדע גאַנץ קליינע, זאָגאַר האָרשפּאַלטענדע, און דאָך רייסען דיא היגע סאָציאַליסטען זיך ארום צווישען זיך, אזוי וויא דיא גאַנצע וועלט וואָלט אָבהענגיג געווען פון זייערע מיינונגס־פערשיעדענהייטען. אין זייערע מחלוקות געהען זיי אזוי ווייט, אז זיי זוכען זאָגאַר צו צערשטערען דיא פערזאַמלונגען פון דיא געגנער, וואָס עס איז ניט נאָר זעהר מיאוס און שעדליך, זאָנדערן איינפאַך פערברעכעריש אין א לאַנד, וואו פּאָליציי־קאָמיסאַרען קענען זיך בענוצען מיט דער מינדעסטער געלעגענהייט אויפצולייזען אַן עפענטליכע פערזאַמלונג. דיא ערפאַהרונג, וועלכע איך האָב דאָ געהאַט אויף מיטינגען, האָט מיר געצייגט, דאָס דיא היגע גענאָסען האָבען נאָך צו פּיעל חסיד'ישע בלוט אין זיך און דאָס זיי דארפען זיך לערנען צו טאָלערירען דיא מיינונגען פון זייערע געגנער.

נאָר ניט מוסר זאָגען איז דער צוועק פון דיעזען ארטיקעל — איך האָב איבערהויפּט פיינט מוסר — זאָנדערן צו ערקלערן, וואָס אייגענטליך עס צוטהיילט זיי, ספּעציעל וואָס עס האָט ארויסגערופען דיא זעהר בעדויערנסווערטהע שפּאַלטונג אין דעם אידישען פליגעל

פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

קיינער וועט ניט לייקענען, אַז דיעזע פּאַרטיי האָט שטענדיג געשטרעבט צו אַגיטי־רען צווישען דיא אידישע אַרבייטער, זיי צו אָרגאַניזירען און אויפצוקלערען. אויב איך האָב קיין גרויסען טעות ניט, איז דער ערשטער סאָ־ציאַליסטישער ביכעל פיר אידען אין רוסלאַנד אַרויסגעגעבען געוואָרען פון דער פּ. פּ. ס. דאָס איז נעמליך דיקשטיין׳ס „פון וואָס איינער לעבט“, וואָס איך האָב רעדיזשירט און אָבגע־דרוקט אין לאָנדאָן אין 1886. דיא יעצטיגע סעפּעראַטיסטען גיבען אַליין צו, אַז דיא פּ. פּ. ס. האָט זעהר פיעל אויפגעטאָן פיר דיא אויפ־קלערונג פון אידישע אַרבייטער. דאָס איז אויך וויא אויף שטיף־קינדער — ענטפּערן דיא טריי־געבליבענע מיטגליעדער פון דער פּ. פּ. ס. — ווען דיא רעדאַקציאָן פון דעם טעגליכען אָרגאַן „נאַפּשאד“ איז פול מיט אידען און ווען אַזוי פיעל סאָציאַליסטישע פּובליציסטען און אַגי־טאַטאָרס זיינען אידען. ווירקליך, ניט נאָר גענאָסע עמיל העקער, דער רעדאַקטאָר פון „נאפשאָד“, איז אַ איד, זאָנדערן דיא מייסטע מיטאַרבייטער זיינען אידען. גענאָסע פראַנ־ציסק טשאַקי, דער רעדאַקטאָר פון „גלאָס ראָבאָטניטשי“, דעם וועכענטליכען אָרגאַן פון פּ. פּ. ס. אין לעמבערג (ער וועט קירצליך ווערען אַ טעגליכער אָרגאַן), איז אויך אַ איד. דיעזער גענאָסע האָט אויך אָנגעשריעבען אַן אויסגעצייי־

דיא רעדאקציאָן פון דער טעגליכער פּוילישער סאָציאַליסטישער ציי‍טונג „נאַפּשאָד“ אין קראַקאָוו.
עמיל העקער (זיצט רעכטס). איגנאַץ דאשינסקי (זיצט לינקס). פראַנציסק טשאקי (שטעהט רעכטס). זיגמונד מארעק (שטעהט אין מיטען).— זיגמונד קאטשאַנאָווסקי (שטעהט לינקס)

גאַנץ נאַטירליך, דען אַ גרויסער טהייל, אויב ניט דער גרעסטער, פון דיא שרייבערס און אַגיטאַטאָרס פון דער פוילישער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי זיינען אידען . . .

דיעזער פאַקט דיענט אָפּט אַלס אַן אַרגו־מענט גענען דיא אונבעגרינדעטע בעהויפּטונגען, דאָס דיא פּ. פּ. ס. איז אויך אָנגעשטעקט מיט אַנטיסעמיטיזמוס. וואָס פאַר אַ זינען קענען האָבען דיא קלאַגען פון דיא סעפּאַראַטיסטען, אַז דיא פּ. פּ. ס. אונטערדריקט דיא אידישע גע־נאָסען אָדער קוקט אויף דיא אידישע אַרבייטער, כענטע בראָשורע געגען דיא קלעריקאַלען, דעם „רויטען קאַטעכיזים“, וועלכער איז קאָנפיס־צירט געוואָרען*) און געגען וועלכען אַ גלח

*) אום דער „רויטער קאטעכיזיס“ זאָל קענען פערקויפט און פערשפּרייטעט ווערען נאָך דער קאָנ־פיסצירונג, האט גענ. דאשינסקי, געמוזט פּראָטעס־טירען געגען דעם אין רייכסראטה און דערביי דיא גאנצע בראָשורע דאַרטען פאָרלעזען, אום אלעס זאָל ערשיינען אין אָפּיציעלען בעריכט פון רייכסראטה.

האָט אָנגעשריעבען א ביכעל מיט זלזולים אויף
אַלע סאָציאַליסטען. אין אַלע סעקציאָנען, פּאַך־
פעראיינען, שטאַאטליכע קראַנקען־קאַסען א. ז.
וו. וועט איהר געפינען אידען אַלס פיהרערס און
יעדענפאַלס אַלס טהעטיגע מיטגליעדער.

אָבער דיא סעפּאַראַטיסטען ערקלערען, אַז
גראַדע דיעזע אידען זיינען שולדיג אין דער
שפּאַלטונג, אַז גראַדע אַזעלכע אידען, וויא דר.
דיאַמאַנד, וויא עמיל העקער א. ז. וו. האָבען
אָבגעשטויסען אַ סך אידישע אַרבייטער פון דער
פּ. פּ. ס. אָט, זאָגען דיא סעפּאַראַטיסטען, אפילו
יעצט, ווען דיא פּ. פּ. ס. איז שוין געצוואונגען
געווען אַנצוערקענען אַ בעזונדערע אידישע סעק־
ציאָן, וויל גענאָסע דיאַמאַנד פון איהר גאָר ניט
הערען און ניט וויסען, און דער „נאַפּשאָד“ הערט
ניט אויף צו שיטען פּעך און שוועבעל אויף אונז
און שטעלט אונז פּאָר, אַזוי וויא מיר וואָלטען
גאָר קיינע סאָציאַל־דעמאָקראַטען געווען און
וואָלטען נאָר געשטרעבט צו שעדיגען דיא פּ. פּ.

ס. דיא קריסטליכע גענאָסען, אפילו גענ.
דאַשינסקי זעלבסט, וואָלטען ניט אַרויסגעטראָ־
טען געגען אונז, ווען זיי וואָלטען ניט בעאיינ־
פלוסט געוואָרען פון אַזעלכע פערביסענע אסי־
מילאַטאָרען וויא גענ. דיאַמאַנד, וועלכער האָט
עפענטליך ערקלערט, ניט נאָר אַז „עס גיבט
ניט קיין בעזאָנדערע אידישע אייגענשאַפטען,
וועלכע מען מוז אנהאַלטען“, זאָנדערן, אַז „יעדע
ערהאַלטונג פון אידישע בעזאָנדערהייטען איז
שעדליך“ . . . .

דאָס איז דיא וויטגעהענדסטע אַסימילי־
רונג. אויב גענאָסע דיאַמאַנד מיינט דערמיט
דיא גאַליציאַנער אידען, וואָס וואַנדערן נאָך
אַרום אין זייערע העסליכע בעקעשעס, און זע־
הען אויס וויא ווילדע ברואים אין זייערע לאַנגע
בערד און פּיעות'ן, האָט ער פאָלשטענדיג רעכט.
אַזעלכע בעזאָנדערהייטען דאַרף מען ניט קאָנ־
סערווירען, אַזעלכע בעזאָנדערהייטען זיינען
שעדליך, אָבער ליידער זעהט ער ניט איין, אַז
דער בעסטער מיטעל צו דער אבשאַפונג פון דיע־
זע אַלטע פאָרמען און געוואָהנהייטען איז נאָר
דורך פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג אין דער
אידישער שפּראַך, וועלכע ער וויל ניט אַנ־
ערקענען און וועלכע ער בעקעמפּפט אויף דיעזען
גרונד, דאָס יאקבי אַלע אידען אין גאַליציען
פערשטעהען פּויליש.

איבערהויפּט איז עס אַ גאַנץ אַנדער זאַך
צו פערלאַנגען נאַציאָנאַלע רעכטע אָדער נאַציאָ־
נאַלע־אויטאָנאָמיע און צו פערלאַנגען שריפטליכע
און מינדליכע פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזמוס
אין דער שפּראַך, וועלכע דיא צוהערער פער־
שטעהען אַם לייכסטען און בעסטען. לאָמיר
צוגעבען, אַז אַלע גאַליציאַנער אידען פערשטע־
הען פּויליש — און מען דאַרף דאָ ניט זיין לאַנג
אום זיך צו איבערצייגען, אַז דאָס איז ניט
אַזוי און אַז יעדענפאַלס אַ זעהר קליינער צאָהל
אידען קענען לעזען פּויליש — אָבער אידיש
פערשטעהען זיי דאָך זיכער פיעל בעסער. וואַרום
זשע זאָל מען ניט אַגיטירען צווישען זיי טאַקע
נאָר אין אידיש ? דעם זעלבען פאַלשען אַרגו־
מענט קען מען געברויכען געגען דיא פּאָליאַקען
אין דייטשלאַנד, און מען האָט איהם אויך גע־
ברויכט אפילו אין דיא רייהען פון דייטשע סאָ־
ציאַל־דעמאָקראַטען. מען האָט דאָרטען גע־
פרעגט : צו וואָס דאַרפען דיא פּאָליאַקען אַן
אייגענעם פּוילישען אָרגאַן, ווען זיי פערשטע־
הען דייטש ? פון דעסטוועגען האָבען דיא
פּוילישע סאָציאַליסטען זיך גאָר ניט געקימערט

נאַכהער, הייסט עס, האָט מען איהר איבערגעדרוקט
פון דיעזען בעריכט, און עס מוז שוין זיין כשר.—
פּ. ק.

וועגען אזעלכע פראגען און זיי טרייבען פראפאגאנדע אין פויליש, וויא ווייט נאר מעגליך. דיא היגע פוילישע גענאסען וועלען זיכער זאגען, אז זייערע ברידער אין דייטשלאנד האבען רעכט — און רעכט האבען זיי אהן שום צווייפעל. — נאר ווארום האבען דיא אידען אין גאליציען אונרעכט, ווען זיי ווילען טאן דאס זעלבע וואס דיא פאליאקען אין דייטשלאנד ?

איך וויל זיך דא ניט ארײנלאזען אין אויספיהרונגען וועגען נאציאנאליזמוס (אהן מארדפאטריאטיזמוס, נאטירליך), קאסמאפאליטיזמוס און אינטערנאציאנאליזמוס, וועגען דעם טיעפען אונטערשיעד צווישען קאסמאפאליטיזמוס און אינטערנאציאנאליזמוס — דאס וועט מיך אוועקפיהרען צו ווייט פון מיין ענין — נאר דאס איז דאך יעדענפאלס זיכער, אז וואס פאר א מיינונג א סאציאליסט זאל ניט האבען וועגען דיעזע „איזמוסען“, וויא ווייט ער זאל ניט זיין קאסמאפאליטיש, אבער א שפראך, וויא קליין און אונוויכטיג זיא זאל ניט זיין פיר דיא אלוועלטליכע קולטור, מוז ער אנערקענען אלס א מיטעל פון פראפאגאנדע און אגיטאציאן. דיא פערטהיילונג פון דער מענשהייט און שפראכען איז נאטירליך ניט דאס זעלבע, וואס דיא פערטהיילונג אין נאציאנען. א שפראך איז יעדענפאלס א רעעלע זאך און א מיטעל פון פראפאגאנדע און קולטור. זאל זיין, אז די אידען זיינען ניט קיין נאציאן, אבער א בעזונדערע שפראך האבען זיי, וויינינגסטענס דער גרעסטער טהייל פון זיי, און דיעזע שפראך דארף אנערקענט ווערען, בעזאנדערס פון סאציאליסטען.

נון, עס קען קיין שום צווייפעל ניט זיין, אז דיא פ. פ. ס. האט שטענדיג אנערקענט דיא אידישע שפראך, וויא פיעל מאנכע פון איהרע מיטגליעדער זאלען ניט האבען געשטרעבט צו אסימילירען דיא אידען. דער בעסטער בעווייז דערצו איז, וואס זיא האט ארויסגעגעבען אידישע בראשורען, פראקלאמאציעס און צייטונגען. דיא גאנצע פארטיי איז זיכער ניט פעראנטווארטליך פאר דיא עקסטרעמע מיינונגען פון מאנכע אידישע גענאסען, וועלכע זיינען מעהר פאליאקען וויא די פאליאקען זעלבסט. איבריגענס, ניט דיא פראגע וועגען דיא אנערקענונג פון דער אידישער שפראך איז א גרונד פון דער שפאלטונג צווישען דיא אידישע גענאסען אין גאליציען. דיא הויפט־קלאגען פון דיא סעפאראטיסטען זיינען, וואס דיא פ. פ. ס. האט ניט גענוג געברויכט דיעזע שפראך אלס אן אגיטאציאנס־מיטעל.

לאמיר אויסהערען זייערע טענות און קלאגען.

אין דער פלוגשריפט, וואס דיא סעפאראטיסטען האבען ארויסגעלאזען דעם 1טען מאי, 1905, לעזען מיר :

„די סאציאל־דעמאקראטישע בעוועגונג צווישען דיא אידישע ארבייטער, האט אין דיא ערשטע יאהרען געקענט ארומנעהמען אסימילירטע, פון דער מאסע אבגעריסענע איינצעלנע פערזאנען. דיא אגיטאציע און דיא ארבייט, וועלכע מען האט צווישען דעם סארט ארבייטער געפיהרט, איז נאטירליך געווען דיא זעלבע וויא צווישען דעם פוילישען פראלעטאריאט. עס איז דארום קיין וואונדער, אז דיא סאציאליסטישע בעוועגונג, וואס דיא פוילישע סאציאליסטען האבען אריינגעבראכט אין דעם אידישען פאלק — וואס מיר אנערקענען און דענקען עס ניט אבצולייקענען — איז ניט געווען א מאסען־בעוועגונג, אז טראָטץ דעם, וואס דיא בעוועגונג האט זיך געפיהרט אין דעם אידישען פאלק, איזיזיא געווען א פוילישע... מיט דער צייט וויא דיא בעוועגונג האט אנגעהויבען אריינצודרינגען אין דיא מאסען, וועלכע זיינען ניט אסימילירט און וועלכע שטעלען פאר א מין עלעמענט, וואס אונטערשיידעט זיך פון דעם פוילישען פראלעטאריאט מיט זיין שפראך און קולטורעל־זיטליכע בעדינגונגען, האט מען בעדארפט זאפארט, ווען מען האט געוואלט מיט אן ערפאלג ארבייטען, ענדערן דיא פארמען און דיא ארט פון דער אגיטאציע, מען האט געברויכט זיך צו רעכענען מיט די בעדינגונגען פון דער נייער אומגעבונג, מען האט געמוזט זיך צופאסען צו דיא בעדירפניסען און צום לעבען פון דער אידישער מאסע... לוידער האבען דיא פוילישע סאציאליסטען דאס ניט אויפגעטהאן. נישט פערשטעהענדיג דיא אידישע מאסע און איהרע בעדירפניסען, האבען זיי דאס ניט געקענט אויפטהון, און א סך מאל האבען זיי דאס אויך נישט געוואלט... זייענדיג איבערצייגט, אז דיא אידען וועלען זיך פריהער אדער שפעטער אסימילירען און ווינשענדיג שליסליך דיא אסימילאציע, האבען זיי ניט געקענט אונטערשיידען זייערע ווינשע פון דער הארטער ווירקליכקייט. דאס וואס זיי האבען זיך ערשט געוואונשען, האבען זיי שוין אנגענומען פאר א רעעלע ווירקליכקייט.“

דער רעזולטאט דערפון איז געווען, אז „מען האט דאס אידישע פראלעטאריאט פערנאכלעסיגט“ . . . .

וועהרענד דיא גאנצע דויער פון דער בעוועגונג, קלאגען ווייטער דיא סעפאראטיסטען אין דער זעלבער פלוגשריפט, האט מען איהם (דעם אידישען פראלעטאריאט) ניט געגעבען א פרעסע, וועלכע ער האט געברויכט, מען האט איהם ניט געגעבען אזעל־

כע אגיטאטאָרען, אין וועלכע דיא בעוועגונג האָט זיך גענויטיגט; מען האָט ניט בעריקזיכטיגט סיי די אגיטאציאָנס סיי דיא אָרגאניזאציאָנס בעדירפניסע, א סך מאָל אין גאנצען, אדער מען האָט זיי ארוסגעשטופּט אויפ'ן לעצטען אָרט... פערקעהרט, דיא אסימילאטאָרישע פּארטיי־פּאָליטיק האָט אָבגעריסען פון דער מאסע אויך דיא יעניגע וואָס וואָלטען צווישען איהר געקענט ארבייטען... וועגען יעדען אידישען ארבייטער־פעראיין האָט מען איינפאך געמוזט קעמפּפען, וועגען יעדער אידישער פערזאמלונג האָט מען געמוזט קעמפּפען און אויסבעטען, ארגומענטירען און בעגרינדען איהר נויטיגקייט... וועגען א יעדען אויפרוף אין זשארגאָן בעטלען, וועגען אויסדריקע זיך קריעגען.... וויא פיעל כחות האָט מען דערויף פערלאָרען, וועלכע מען וואָלט געקענט בעסער אויסנוצען ?“

אָט דאָס איז דער סך הכל פון דיא קלאָגעס פון דיא סעפּאראטיסטען געגען דיא פּ. פּ. ס. אין אלע זייערע שריפטען, ווען עס האנדעלט זיך וועגען דיעזען שווערפּונקט, ווידערהאָלען זיי עס מיט פערשיעדענע ווערטער. עס איז נאָך אלעמען גאָר ניט אזוי געפעהרליך, ווען אפילו אלעס וואָס דיא סעפּאראטיסטען זעצען אויס געגען דיא פּ. פּ. ס. זאָל זיין פאָלשטענדיג ריכטיג. איך מיין ניט צו זאָגען, אז דיא סעפּאראטיסטען מאכען בכיון פאלשע בעשולדיגונגען, נאָר זיי וועלען מיך ענטשולדיגען, ווען איך וועל זאָגען, אז אין זייערע קלאגעס און בעשולדיגונגען זיינען זיי צו פּארטייאיש.

זאָל זיין, אז דיא פּ. פּ. ס. איז געוועזען צו פיעל אסימילאטאָריש — און עס איז נאָך א פראגע, אויב דאָס איז אזוי שלעכט פאַר דיא אידען אין גאליציען — זאָל זיין, אז צוליעב דעם האָט מען טאקע פערנאכלעסיגט דיא זשארגאָנישע פּרעסע ; אָבער איז עס דען ניט א פאקט, אז דיא פּ. פּ. ס. האָט ביסלעכווייז נאָכגעגעבען דיא אידישע גענאָסען און אז יעצט עקסיסטירט אַ זעלבסטשטענדיגע אידישע סעקציאָן ? א פּארטיי קען דאָך ניט ענדערן איהר טאקטיק מיט א מאָל אין א קורצע צייט. עס איז גאנץ נאטירליך, דאָס וואָס מעהר דיא אידישע בעוועגונג אין גאליציען איז געוואקסען — און דיעזער וואוקס איז דאָך געשעהען אונטער דער לייטונג פון דער פּ. פּ. ס. מיט איהר אלטער טאקטיק — אלץ נויטיגער איז עס געוואָרען צו גרינדען א אידישע סעקציאָן, וואָס זאָל זיך ספּעציעל בעשעפטיגען מיט דער אגיטאציאָן צווישען אידען.

אויף דעם פּארטיי־טאָג פון דער פּ. פּ. ס. אין לעמבערג אין 1903 האָט מען בעשלאָסען צו גרינדען א אידישען אגיטאציאָנס קאָמיטעט, אום בעסער און פּלאנמעסיגער צו ארבייטען צווישען דעם אידישען פּראָלעטאריאט. ליידער אָבער איז מען דערביי בעגאנגען דעם פעהלער איבערצוגעבען דיא דורכפיהרונג פון דיעזען גוטען בעשלוס אין דיא הענד פון אזעלכע פערביסענע אסימילאטאָרען, וויא דער שוין פיעל מאָל דערמאָנטער דר. דיאמאנד פון לעמבערג. דער רעזולטאט דערפון איז געוועזען, אז דיעזער קאָמיטעט האָט גאנץ ווייניג ערפילט זיין אויפגאבע און אז אויף דעם נעכסטען פּארטיי־טאָג אין קראקאָוו האָט מען דיעזע פּראָבע אויפגעגעבען. דיא אידישע מיטגליעדער פון דער פּ. פּ. ס., וועלכע האָבען שוין מיט א צייט פריהער געהאט סעפּאראטיסטישע שטרעבונגען, האָבען זיך נאטירליך בענוצט מיט דעם מיאוס'ן דורכפאל פון דעם „אידישען אגיטאציאָנס־קאָמיטעט“, אום צו צוציהען אויף זייער זייט דיא אויפגעקלעהרטע אידישע ארבייטער. אנשטאט צו בעשולדיגען אין נאכלעסיגקייט דיא ווירקליך שולדיגע, דאָס הייסט דיא „אידישע פּאָליאקען“ אין דער פּארטיי, האָבען זיי אָנגעגריפען דיא גאנצע פּארטיי עפּעס אזוי וויא זיא וואָלט בעשטאנען פון לויטער אנטיסעמיטען. אליין האָבען זיי אויך גאָר ניט געטאָן אין דעם אגיטאציאָנס־קאָמיטעט, אויסער „קיקען“ און שרייען, אז מען טוט גאָר נישט פאַר דיא אידען.

עס פערשטעהט זיך, אז דיעזער צושטאנד האָט ארויסגערופען הייסעס בלוט פון ביידע זייטען. ביי אייניגע איז דאָס אויך געוואָרען א פערזענליכער קאמפף, וויא געוועהנליך אין יעדען פּארטיי־שטרייט. יעדענפאלס איז דיעזער קאמפף געפיהרט געוועזען און ווערט אויך יעצט געפיהרט צווישען דיא אידישע גענאָסען זעלבסט — צווישען, מען מעג זאָגען, דיא אסימילאטאָרען און נאציאָנאליסטען — די פּוילישע גענאָסען זיינען מייסטענס געשטאנען אָן א זייט, נאָר האָבען זיך נאטירליך פערלאָזען אויף דיא עלטערע און אנגעזעהענערע אידישע מיטגליעדער, וועלכע בלייבען נאָך יעצט ביי דער מיינונג, אז דיא אידען דארפען זיך אויף קיין פאל ניט אָפּזונדערען פון דער פּ. פּ. ס. ווען דיא יעצטיגע פיהרערס פון דיא סעפּאראטיסטען וואָלטען געהאט מעהר איינפלוס אויף דיא פּוילישע גענאָסען און וואָלטען זיך אויך טאקטישער געהאלטען, וואָלטען עס וואהרשיינליך ניט געקומען צו דער זעהר טרויעריגער שפּאלטונג.

נאָר וויא עס וואָלט ניט געוועזען, יעצט האָט מען זיך צו רעכענען מיט צוויי פאקטען : ערשטענס, איז דעם 1טען מאי 1905 געגרינ־

דעט געוואָרען דיא אונאבהענגיגע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וועלכע גיט אַרויס איהר וועכענטליכען אָרגאַן דעם „סאָציאַל־דעמאָקראַט“ אין קראַקאָוו, און צווייטענס, איז לעצטען מאַי, אויף דעם קאָנגרעס פון דער פּ. פּ. ס. אין לעמבערג, אָרגאַניזירט געוואָרען אַ אידישע סעקציאָן מיט אָטאָנאָמע רעכטע. ביידע גרופּען צעהלען אַ געוויסע צאָהל אָרגאַניזירטע אידישע אַרבייטער. וויא פיעל — דאָס האָב איך נאָך דערוויילע ניט געקענט דערגיין אויף ריכטיג.

איבריגענס, ניט דיא צאַהלען פון דיעזער אָדער יענער גרופּע זיינען וויכטיג; אויך איז ניט אַזוי וויכטיג דיא פערגאַנגענהייט, דיא געשיכטע, וויא אַזוי דיא שפּאַלטונג איז אַרויסגעקומען, ווער עס איז מעהר שולדיג אין דיעזער זעהר שעדליכער שפּאַלטונג. וויכטיג איז דיא צוקונפט, און טאַקע דיא זעהר נאָהענטע צוקונפט, ווען עס וועט קומען דיא צייט פון וואַהלקאַמפּף אויף דעם גרונד פון אַלגעמיינע שטימרעכט. וויא וועט עס זיין? וויא וועלען זיך דיא סעפּאַראַטיסטען האַלטען? וועלען זיי טאַקע אַרויסשטעלען אירגענדוואו אַן אייגענעם קאַנדידאַט, וויא איינער פון דיא סעפּאַראַטיסטישע פיהרערס האָט עס מיר געזאָגט? אָדער וועלען זיי שטימען פאַר דיא קאַנדידאַטען פון דער פּ. פּ. ס., וויא זיי דאַרפען עס טאָן, ווען זיי זיינען ווירקליך ריכטיגע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וויא זיי רופען זיך?

עס איז גענוג צו שטעלען בלויז דיעזע פראַגען, אום צו פערשטיין, אַז דיא עקזעקוטיווע פון דער אַלגעמיינער עסטרייכישער פּאַרטיי האָט גאַנץ ריכטיג געהאַנדעלט, וויא זיא האָט צוריקגעוויזען דעם פערלאַנג פון דיא סעפּאַראַטיסטען מען זאָל אַנערקענען אַן אונאבהענגיגע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין גאַליציען. ווען דיא אידישע גענאָסען פערלאַנגען אוטאָנאָמיע, וואָס מעהר אוטאָנאָמיע, אום בעסער צו פיהרען דיא פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזמוס צווישען אידיש־שפּרעכענדע אַרבייטער, האָבען זיי פאָלקאָם רעכט; אָבער איך האָף, אַז אפילו דיא פערברענטעסטע סעפּאַראַטיסטען וועלען דאָך צוגעבען, אַז דאָס איז ווייט ניט דאָס זעלבע וואָס אַן אונאבהענגיגע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.

איך גלויב, אַז אי דיא אידישע גענאָסען פון פּ. פּ. ס. אי דיא סעפּאַראַטיסטען האָבען געמעגט נעמען אַ לעקציע אין דיעזער פראַגע ביי אונז אין אַמעריקאַ. מיר אין אמעריקאַ האָבען זיך ביז יעצט — און הלואי זאָל אַזוי זיין ווייטער — קיין מאָל ניט בעשעפטיגט מיט „אידיש־נאַציאָנאַלע“ פראַגען, מיר האָבען נאָר געזוכט צו אָרגאַניזירען דיא אידישע אַרבייטער עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, אַז זיי זאָלען גיין האַנד אין האַנד מיט דיא אויפגעקלערטע אַרבייטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטען, וועלכע בילדען צוזאַמען איין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. ביי אונז איז דיא אָטאָנאָמיע פון יעדער שפּראַך — אָבגעזעהען דערפון אויב דיא שפּראַכען האָבען געשטימט מיט דיא נאַציאָנאַליטעטען — געווען אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך. קיינעם איז גאָר ניט איינגעפאַלען צו פרעגען, צום ביישפּיעל, צו וואָס דאַרפען דיא אידיש־שפּרעכענדע אַרבייטער אַן אייגענעם אָרגאַן, אַן אייגענע פּרעסע, בעזונדערע פּאַך־אָרגאַניזאַציאָנען, דיא פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען א. ז. וו., אָבער פון דער אַנדער זייט איז אויך קיינעם פון אידישע גענאָסען ניט איינגעפאַלען צו דיינקען אפילו וועגען אַן אונאבהענגיגע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. דאָס וואָלט איינפאַך געווען אַ משוגעת. שטעלט זיך פאָר, וואָס פאַר אַ פּנים מיר וואָלטען געהאַט, ווען מיר זאָלען, למשל, אַרויסשטעלען אַן אייגענעם אידישען קאַנדידאַט אויף דער איסט־סייד געגען אַ קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי בלויז דערפאַר, ווייל מיר ווילען אויך שטעלען אירגענד וועלכע אידיש־נאַציאָנאַלע פאָדערונגען! ....

אָט גראַדע אַזאַ פּנים האָבען דיא סעפּאַראַטיסטען אין גאַליציען מיט זייער „זעלבסטשטענדיגער“ פּאַרטיי. עס איז אמת, אַז דיא אָטאָנאָמיע וואָס מיר אין אמעריקאַ האָבען שטענדיג געהאַט, אַלץ אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך, מוזען נאָך דיא אידישע גענאָסען אין גאַליציען דורכקעמפּפען; עס איז אמת, אַז דיא פּ. פּ. ס. האָט פערנאַכלעסיגט דיא אידישע פּרעסע און די אידישע פּראָפּאַגאַנדע. מען קען אָבער דאָ פרעגען דיא יעצטיגע סעפּאַראַטיסטען: וואָרום האָבען זיי אַלעס ערוואַרטעט פון דיא פּוילישע גענאָסען און וואָרום האָבען זיי אַליין ניט געהאַנדעלט אַזוי וויא מיר אין אַמעריקאַ? — עס איז אויך אמת, אַז מאַנכע פון דיא פיהרערס פון דער פּ. פּ. ס. זיינען פערביסענע, זאָגאַר פאַנאַטישע אַסימילאַטאָרען; אָבער דאָך וואָלט עס ניט געקומען צו דער גרינדונג פון אַן אייגענע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. ווען — יא, ווען דיא סעפּאַראַטיסטען וואָלטען ניט געהאַט אויך אידיש־נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. זיי פיהלען זיך בעליידיגט און געקריינקט, ווען דיא פּ. פּ. ס.'אָוצעס אַנערקענען זיי ניט פאַר אמת'ע סאָציאַל־דעמאָקראַטען; זיי בעקעמפּפען זעהר העפטיג דיא ציוניסטען, אָבער זיי קענען דאָך ניט לייקענען, אַז

זיי זיינען אויך אידישע נאַציאָנאַליסטען. זיי ווילען נאָכטאַנצען דעם „בונד“, אָבער זיי נעה־מען ניט אין אַנבעטראַכט, אַז גאַליציען איז ניט רוסלאַנד, אַז דיא אומשטענדען זיינען גאַנץ אַנדערע איןביידע לענדער.

אָט אין דיא אידיש־נאַציאָנאַלע שטרעבונ־גען ליגט דער הויפּט גרונד פון דער סעפּאַראַ־טיסטישער פּאַרטיי. זיי זיינען ניט קלאָהר, זיי זיינען נעבעלהאַפט און בעגראָבען, אָבער זיי עקזיסטירען און לאָזען זיך פיהלען. אין דיזער בעציהונג איז שווער צו אונטערשיידען דיא סע־פּאַראַטיסטען פון דיא פּועלי ציוניסטען, וועלכע אָרגאַניזירען אויך פאַך־פעראיינען אין גאַליציען. איך האָב געזוכט אַ קלאָהרע און שטרענגע גרע־נעץ־ליניע צווישען דיזע ביידע פּאַרטייען, אָבער האָב איהר ניט געקענט געפינען.*)

ווענען דיא „אידיש נאַציאָנאַלע“ פאָדערונ־גען, ווענען דיא „אידישע קוריעס“, „אידישע אָוטאָנאָמיע“, „אידישע קולטורעלע אָוטאָנאָמיע“ איז דאָ זעהר פיעל צו ריידען, נאָר דיזער אר־טיקעל איז שוין אַזוי אויך צו לאַנג. איך וועל דאַרום שרייבען ווענען דעם, ווען איך וועל ריידען ווענען דיא פּועלי ציוניסטען.

---

*) עס וואָלט געווען זעהר אינטערעסאַנט צו הע־רען אויך דעם צווייטען צד. דיא פאָרשטעהער פון די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. מיר האָבען נאָך פאר פיעל חדשים צוריק געווענדעט צו זיי נאָך אַן ארטיקעל איבער זייער פּראָגראַם און שטרעבונ־גען. מיר האָפען אַז איצט וועלען זיי ניט לאָזען לאַנג וואַרטען אויף זייער ענטפער. (רעדאַק.)

אין אַלקערעל

(אַלט מאָדישעם בילד).

שטאָק פינסטער איז אין אַלקערעל,
  דיא פאָרהאַנגען פערהאַנגען.
און אַלטערעל, איהר קרוין, איז איצט
  אין קלויז אַוועקגעגאַנגען.

אַוועק איז ער אַצינד אין קלויז
  צו לערנען דאָרט גאָט'ס תורה.
אין אַלקער זשומעט וואו אַ זשוק
  און זיא האָט נעבאַך מורא . . .

דעם גאַנצען טאָג דיא שוויגער רק,
  זיא האַלט זיא אין איין קוועלען:
זיא זיצט און היט עס זאָל דעם קינד
  קיין זאַך חלילה פעהלען . . .

און איצט איז זיא אַליין, און ער
  אין קלויז אַוועקגעגאַנגען.
און ס'ציהט און ציהט איהר הערצעלע,
  און קלעמט איהר מיט צוואַנגען.

און פייכט פון טרעהרען הויבט זיא אויף,
  דיא אויגעלעך צום הימעל:
„אוי, גאָטעניו, דערבאַרעם זיך,
  און שיק אויף מיר דעם דרימעל!“

און אומעטיגער זשומעט שוין,
  דער זשוק מיט מרה־שחורה . . .
און ס'דוכט זיך איהר, זיא הערט אַצינד,
  איהר אַלטערעל זאָגט תורה . . .

ה. רויזענבלאַט.

די פּאָציאַליסטען-טעריטאָריאַליסטען אין טהעאָריע און פּראַקטיק

(א ענטפער אויף דיא ארטיקלען פון יעקב מילך).

פון אַב. גאָלדבערג.

.1

די סאָציאַליסטיש-טעריטאָריאַליסטישע בעוועגונג האָט אונטער דער ראַדיקאַלער אידישער מאַסע געפונען גענוג געגנער, און דאָך ביז דעם לעצטען פערזוך, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון יעקב מילך, אין „צוקונפט“, האָט קיינער פיר דער גאַנצער צייט, אונז ערנסט ניט געפּרובירט קריטיקירען. יעקב מילך איז געוועזען דער ערשטער, וואָס האָט געמאַכט א פערזוך — כאָטש זעהר ניט קיין געלונגענעם — אונז צו קריטיקירען, און פיר דעם קומט איהם געוויס א יישר כח.

מיין אויפגאַבע יעצט איז צו ענטפערן איינמאָל יעקב מילך אויף זיינע איינווענדונגען געגען אונז, וויא אויך געוויסערמאַסען, וויפיעל דיא ראַהמען פון אַן ענטפער וועלען ערלויבען, צו בעקאַנען דיא לעזער פון „צוקונפט“ מיט אונזער וועלט אנשויאונג.

* * *

אונזער קריטיקער האָט זיך ניט בעגנוגענט בלויז מיט דעם קריטיקירען דעם סאָצ. טעריט. לויט זיין תוך, עצם און פּראַקטישען זינען, נור ער שטעלט זיך נאָך אָפּ אויף דער געשיכטע און ענטוויקלונג פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזמוס, ווייל לויט זיין בעהויפּטונג זיינען דיא אַלע נייע בעוועגונגען, „ניט קוקענדיג אויף דיא דריי גאָרענדיגע נעמען אין תוך ענג פערבונדען מיט דעם אורשפּרינגליכען ציוניזמוס, ניט מעהר ווי א ווייטערע ענטוויקלונג פון דעם ציוניזמוס, און זיי שטעהען אָדער פאַללען צוזאַמען מיט דעם ציוניזמוס.“ און יעקב מילך שרייבט דערנאָך א גאַנץ לאַנגען אַרטיקעל איבער דער היסטאָריע פון ציוניזמוס.

ער הייבט אָן, כנהוג, פון סאַמע אָנהויב, פון זינט דיא אידען זיינען פערטריבען געוואָרען אין גלות... דיא היסטאָריע איז אָבער אָפט ניט ריכטיג, און אַמאָל גאַנץ נאַאיוו.

אָט קומט, למשל, ביי אונזער קריטיקער אויס, אז „הערצעל איז מיט אַמאָל, וויא פון הימעל אַראָפּגעפאַלען“. פיר א היסטאָרישען מאַטעריאַליסט איז דיא פראַזע זעהר כאַראַקטעריסטיש. ווייטער, אז הערצעל איז געוואָרען א טעריטאָריאַליסט ערשט שפּעטער, וועהרענד ביים אָנהויב איז זיין פּלאַן געווען פּאַלעסטינא. דאָס איז היסטאָריש ניט אמת, א. ז. וו. דאָס אַלץ זיינען אָבער קלייניגקייטען אין פערגלייך מיט זיין קריטיק אויף דעם ציוניזמוס. און טראָטץ דעם וואָס עס איז ניט מיין אויפגאַבע אויף דיעזער שטעלע צו פאַרענטפערען דעם אַלגעמיינעם ציוניזמוס — מיט איהם אין גאַנצען בין איך אויך ניט איינפערשטאַנען — מוז איך אָבער אייניגע איינווענדונגען מאַכען, אַזעלכע וואָס זיינען נויטהיג פאַר מיין ענטפער אויף זיין קריטיק פון סאָציאַליזמוס-טעריטאָריאַליזמוס.

ביד רחבה קריטיקירט יעקב מילך אי דעם מאַטער. ציוניזמוס, אי דעם גייסטיגען, כאָטש, וויא אונזער קריטיקער דענקט, האָט דער מאַטער. ציוניזמוס שוין בעקומען זיין אַנטוואָרט פון לעבען אליין, ווייל... איהר הערט? מען האָט שוין 25 יאָהר פּראָפּאַגאַנדירט און מען האָט נאָך גאָר ניט אויסגעפיהרט. א גאַנץ שאַרפער אַרגומענט, ניט וואהר? אין ניו יאָרק פּרעדיגט מען שוין 25 יאָהר דעם סאָציאַליזמוס, און מען האָט נאָך גאָר קיין פּראַקטישעס ניט אויפגעטהאָן. וואָס בעווייזט עס? צו דען ווירקליך קען דער „צייט-אַבשניט“ פון מיסערפאָלג בעווייזען פיר אָדער געגען דער אידעע, איידער מיר אונטערזוכען איהר עצם, איהר אינהאַלט? אָבער, טענה'ט יעקב מילך, שוין פיר דיא לעצטע 25 יאָהר, אז די אידען וואַנדערן, און דיא צאָהל פון דיא אידען איז ניט פערקלענערט געוואָרען, דיעזער פאַקט זאָל דאָך דיא ציוניסטען בעווייזען, אַז א פאָלק קען ניט אַזוי לייכט וואַנדערען.

ענטדעקט אַמעריקא! אמת, זאָגען מיר, עס איז טאַקי ניט קיין לייכטע זאַך, אָבער אין לעבען ווערען דאָך דורכגעפיהרט אויך שווערע זאַכען, און פאַר וואָס זאָל מען אויך דאָס ניט קענען דורכפיהרען? טענה'ט אָבער ווייטער יעקב מילך: אויף יעדער אויסוואַנדערער ווערט געבוירען א נייער מענש, אפשר צוויי מענשען, וואָס בלייבען אין דער היים. פאַר וואָס אפשר

צווי, ליעבער קריטיקער? ווארום ניט אפשר דריי, אפשר פיער? דאָס לאָזט זיך דאָך אָבער ניט אָפּ'פּטר'ן מיט אפשר'ס. אמעהר בעסער פאַקטען. מיר זעהען דאָך, וויא דיא אירלענ־דער האָבען אין א קורצען משך אויסגעוואַנדערט האַלב פון אייערלאַנד און דער צוואוואוקס האָט ניט געהאָלפען. דיא זעלבע זאַך וועט זיין, ווען, למשל, 200 טויזענד אידען וועלען אויסוואַנדערן יעהרליך.

יעקב מילך זאָגט ווייטער, אז „א מאססע וואנדערט ניט אויס געטריבען פון וועלכע אידע־אַלען, נור פון עקאָנאָמישע אומשטענדען". אָבער ווער לייקענט עס דען? אויך דיא פּאָליטישע ציוניסטען, האָבען דורך זייער פאָרשטע־הער, הערצעל, דייטליך ערקלעהרט, וויא וויט זיי רעכענען זיך מיט דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען. הערצל האָט נאָך אין זיין „יודענ־שטאַאט" ערקלעהרט, וויא דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס דריקט זיך אויס אין עקאָנאָמישען באָי־קאָט, וואָס שטערט דיא קליינבירגער זיך פאַר־שפּרייטען אויף דעם מארקעט, וויא אויך שטערט דער פּראָפעססיאָנעלער אינטעליגענץ אין איהר קאַריערע, וועט צווינגען דיא קליינבירגערליכע מאססע עמיגרירען אין „אידענלאַנד" ד. ה. „דאָרט וואו זיא האָט אויסזיכטען צו פאַרבע־סערען איהר עקאָנאָמישע לאַגע". נאָכדעם ווארפט זיך יעקב מילך אויף דיא ציוניסטען מיט בן אהוד'ס טענות, טראָטץ דעם וואָס יעקב מילך וויס, אז בן אהוד האָט שוין יענע מיינונג לאַנג צוריקגעצויגען, און שטעהט היינט אויף דער סאמע שפּיצע פון ס. ר. ט. אין ניו יאָרק. יעקב מילך דענקט דאָך, אז יענע טענות זיינען נאָך גענוג שטאַרק, טראָטץ דעם וואָס זייער מחבר גלויבט מעהר ניט אין זיי. דאָך ווער עס הערט זיך גוט איין אין דיא גרונד טענות פון בן אהוד, דער קען לייכט בעמערקען, אז זיין רוגז איז הויפּטזעכליך בעשטאַנען אין דעם: פאַר וואָס דיא ציוניסטען „ווילען אָפּווענדען דיא געדאַנקען פון דעם אידישען פאָלק פון זיינע נויטהיגע ציעלען אין דער היים". אין דעם האָט בן אהוד געהאַט גאַנץ רעכט. עס איז געוויס א טעות געווען פון אַלגעמיינעם ציוניזמוס — כאָטש מיר קענען זיך ערקלעהרען פון וואַנען דער טעות שטאַמט — וואָס האָט געמאַכט — געוואָלט מאַ־כען — דאָס אידישע פאָלק אָפּאַטיג צו שטריי־טען פאַר א בעסערע לאַגע אין גלות. אזוי וויט, וויא געזאָגט, האָט בן אהוד רעכט. ווען אָבער ער מאַכט חוזק פון דעם „מייזעלע אידענלאַנד" —האָט ער בלויז געזאָגט א שעהנעם וויץ, איז אָבער אַוועק פון אמת. דען כאָטש עס איז ריכ־טיג, אז דייטשלאַנד האָט ניט פּראָטעסטירט גע־גען רוסלאַנד, ווען דיא לעצטע האָט געוואָרגען דייטשע אונטערטהאַנען אין די באַלטישע פּראָ־ווינצען, איז דאָך דאָס אַלץ קיין בעווייז ניט קעגען „אידענלאַנדיע," ווייל דיא די לאַגע פון די דייטשען, צוליעב דעם וואָס דיא דייטשען האָ־בען א לאַנד, איז נאָכאַלעמען א גאַנץ בעסערע וויא דיא אונזערע. דען איינמאָל זיינען דאָך דיא דייטשען אין דייטשלאַנד, ברוך השם, בע־היט און בעשירמט פון פּאָגראָמען, — ווידער, אויך ביי דיא דייטשען אויסער דייטשלאַנד קען זיך טרעפען געגען זיי א געוויסע אונטערדרי־קונג, בלויז אין א געוויסען פאַל, ערגעץ וואו, אין א געוויסער צייט, דיא אידען האָט מען דאָך געדריקט איבעראַל, אונטער אַלע פעלקער, און צו יעדער צייט. פאַר וואָס? וואָס זיינען דיא סבות? דאַרף מען דאָך שוין אונטערזוכען דיא אידענפראַגע און איהר גאַנצען אומפאַנג. דאַן זעהען מיר, אז דיא הויפּט סבה איז אימער געווען דיא טעריטאָריאַללאָזיגקייט פון דעם אידישען פאָלק.

אויך בן־אהוד האָט צוריקגעצויגען זיין מיי־נונג, ווען ער האָט זיך איבערצייגט — וויא ער האָט עס ערקלעהרט אין דער „וואזראזשדעניע" —אז א טעריטאָריע איז א נויטהווענדיגע בעדינ־גונג פאַר א נאָרמאַלער געזונטער ענטוויקלונג פון א פאָלק.

נאָך ערגער מאַכט יעקב מילך אויס אין זיין קריטיק אויף דעם גייסטיגען ציוניזמוס, מיט וועלכען, אגב, איך סימפּאַטיזיר גאָר ניט, אָבער איך וועל דאָך ענטפערן יעקב מילך, צוליעב דעם אמת.

וויא עס שיינט, איז יעקב מילך קנאַפּ בע־קאַנט מיט דער ציוניסטישער אחד־העם'ישער שטרעמונג, זיינע ידיעות מוזען זיין גענומען פון דער לופט. עס איז ניט אמת, אז דיא אחד־העם'י־סטען דענקען אין ירושלים גרינדען א אוניווער־זיטעט, וואָס זאָל קאָנקורירען מיט אָקספאָרד,— א מוזעאום — וואָס זאָל קאָנקורירען מיט'ן ברי־טישען מוזעאום. לא מניה ולא מקצתיה! דיא גייסטיגע ציוניסטען רעדען יא, וועגען א צענטער אין פּאַלעסטינא, וואו א טהייל פון דעם אידי־שען פאָלק זאָל זיך קענען נאָרמאַל, אונגעשטערט ענטוויקלען, שפּינען פון זייער אייגענער נשמה, פון זייער אייגענעם נאַציאָנאַלען גייסט, פריי פון דיא פרעמדע נאַציאָנאַלע איינפליסע, אָדער השפּעות. אין יענעם פּלאַטץ, וויא דיא אחד־העם'יסטען דענקען, וועט דעם אידישען פאָלק געלונגען שאַפען אייגענע קולטורעלע ווערטהע, פונקט וויא דאָס בעלגישע פאָלק, אָדער נאָרווע־גישע פאָלק, איז געווען ביכולת שאַפען אייגענע ווערטהע, טראָטץ דעם, וואָס זייער אוניווערזיטי איז ניט א־לא אָקספאָרד, און כאָטש זיי האָבען ניט קיין בריטישען מוזעאום.

ווייל יענער טהייל אידען וועט זיך שטעלען דירעקט אונטער דעם איינפלוס פון דער העברעאישער קולטור, וועט איהם געלונגען — דענקען דיא אחד־העם'יסטען — ווייטער פאָרטצוזעטצען דיא ענטוויקלונג פון דער אידישער קולטור, וועלכע איז אָפּגעהאַקט געוואָרען אין גלות, אָבער וועלכע איז אין גאַנצען ניט געשטאָרבען. יענער טהייל אידען וועט ווירקען אויף דיא גלות אידען, אפילו אויף דיא, וואָס בעזוכען אָקספאָרד אוניווערזיטעט, און דעם בריטישען מוזעאום, פונקט וויא ירושלים האָט אַ מאָל געווירקט אויף אַלכסנדריא.

דיא אידען אין גלות, וואָס וועלען הערען איבער דער נייער העברעאישער ליטעראַטור וואָס האָט אַזוי פיעל לעבענס־זאַפט וועלען אָנהויבען לעזען דיא העברעאישע זשורנאַלען, וועלען זייערע קינדער געבען אונטערריכט אין העברעאיש, וועלען בעציהען לעהרער דירעקט פון „גייסטיגען־צענטער", וועלען פאָהרען בעזוכען יענעם פּלאַטץ א. ז. וו. אויף דעם אופן וועט אויפגעהאַלטען ווערען דיא איינהייט פון דער נאַציאָן, דען אַלע אידען פון אַלע לענדער וועלען „נאָכאַהמען יענעם גייסטיגען צענטער". דיא גייסטיגע ציוניסטען ווילען דוקא ציון, ווייל ציון האָט אַ גרויסען אויטאָריטעט אויף דעם אידישען פאָלק, אויף אַלע זיינע קלאַסען; נור העברעאיש, דען העברעאיש איז דיא אַלט־נייע נאַציאָנאַלע שפּראַך, און זיא רופט ארוים רעספּעקט ביי אַלע אידען.

דער גייסטיגער ציוניזמוס איז געוויס אַ בעל־הבית'ישער אידעאַל און קען מיט דיא פאָלק'ס מאַסען ניט האָבען צו טהאָן. פון דעם שטאַנדפּונקט האָט ער אויך בעדאַרפט קריטיקירט ווערען, פון דעם שטאַנדפּונקט איז ער געלונגען קריטיקירט געוואָרען פון דר. נ. סירקין אין „השחר". דיא קריטיק פון פריינד יעקב מילך אָבער, וויזט נור — מיר חזר'ן איבער נאָך אַ מאָל — וויא וועניג דער קריטיקער איז בעקאַנט מיט דעם געגענשטאַנד, וואָס ער נעהמט קריטיקירען.

דאָס איז אָבער ניט אַלעס. אונזער פריינד יעקב מילך וויל אָבער אויך דעם „זיסען חלום" פון דיא פּראָלעטאַרישע ציוניסטען איבערשלאָגען — גליקליכערווייזע איז דער פּראָלעט. ציוניזמוס אָבער ניט קיין חלום, נור אַ רעאַליטעט, און אונזער פריינד וועט עס ניט געלינגען איבערצושלאָגען, וויא מיר וועלען באַלד זעהען.

2.

ווען ביי אַ געוויסער גרופּע, אָדער קלאַס, וואַקסען אָן געוויסע בעדירפניסע, איבער וועלכע זיא ווערט בעוואוסט, נור וועלכע קענען צוליעב דער עקזיסטירענדער אָרדנונג ניט ערפיללט ווערען, ווערט דאַן, געוועהנליך, ביי דעם קלאַסס, אָדער ביי דער גרופּפּע, געבוירען אַ שטרעבונג אוועקצוראַמען פון וועג דיא שטערונגען, וואָס דערלאָזען ניט בעפרידיגען דיא נייטיגע בעדירפניסע. עס ענטשטעהט אַ ווילען איינצופיהרען אַ נייעם סדר אויף דעם אָרט פון אַלטען, אַ סדר, וועלכער זאָל מאַכען מעגליך דיא ערפיללונג פון דיא בעדירפניסע — מיט איינעם וואָרט, עס ווערט ביי דעם קלאַסס געבוירען אַ אידעאַל.

דאָך, ניט אימער איז דער קלאַסס וואָס נייטיגט זיך אין דער איבערענדערונג פון דעם אַלטען סדר, פעהיג באַלד קלאָהר צו בעשטימען זיין אידעאַל. דער קלאַסס, טראָטץ דעם, וואָס ער דאַרף מיט רעכט ווערען דער טרעגער פון דער געוווינשטער אָרדנונג, איז אָבער אויך אַזוי צונויפגעוואַקסען מיט דער געגענוואַרט, אַזוי איינגעלעבט אין דיא טראַדיציאָנען פון דער פערגאַנגענהייט, אַז ער קען זיך שווער שיידען מיט זיינע געוואָהנהייטען, און איז ניט פעהיג תופס צו זיין זיין אייגענעם אידעאַל.

דאָ קומען צוגעהן דיא אידעאָלאָגען פון דעם קלאַסס, זייער בליק איז אָפט אַ פיעל ווייטערער, און זיי גיעבען צו די דונקעלע שטרעבונגען, וואָס קלאַפּען ערגעץ וואו אין דיא הערצער פון מאַססען, אַ קלאָהרע פאָרמע, דעפינירען דעם אידעאַל, שטעלען אויף אַ פּראָגראַם, ווייזען אָן אויף דיא וועגען און טאַקטיק.

דער אידעאַל, וואָס ווערט אויפגעשטעלט פון דיא אידעאָלאָגען מוז אָבער ערלויבען געוויסע ענדערונגען „קאָררעקטיווען", נאָכדעם וויא ער הויבט אָן ווערען דער אידעאַל פון פאָלק, דען אַזאַ אידעאַל, וואָס איז דעפינירט פון אידעאָלאָגען, מוז אויף זיך טראָגען אויך דעם אינדיווידועלען שטעמפּעל פון דיא שעפּפער. עס איז ערשט שפּעטער, ווען דער אידעאַל דרינגט אַריין אין דער מאַססע, ווערט געלייטערט אין לעבענ'ס פייער און ער ווערט דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון דעם קלאַס, וועלכער האָט אין דעם אידעאַל אַ בעדירפניס — ערשט דאַן ווערט ער גערייניגט פון דער צומישונג פון אינדיווידועלע טענדענצען.

עטוואָס עהנליכעס איז געשעהן מיט דער ענטוויקלונג פון סאָצ. ציוניזמוס.

נ' סירקין, וועלכער איז געוועזען דער ערשטער וואָס האָט אויפגעהויבען דיא רויטע פאָהן אין ציוניסטישען לאַגער, האָט בעשטימט אויסגעדריקט דיא בעדירפניסע פון דיא אידישע מאַססען אין סאָציאַליזמוס. ער איז געוויס געוועזען אַ סאָציאַליסט, נור דער אופן פון זיין אויפפאַסען דעם ציונים. סאָציאַליזמוס, איז געוועזען געווייסערמאַסען אַ'ן אוטאָפּיסטישער אנשטאַט דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז צוליעב זיינע אינטערעסען פעראינטערעסירט אין סאָציאַליזמוס

— האָט ער גערעדט פון המון, מיינענדיג מיט דעם אויך דיא קליינבירגערליכע מאַססען און דיא אַלע אַנדערע לומפּען פּראָלעטאַריער.

דאָס איז געווען אַ טעות. דען כאָטש אויך אונזערע קליינבירגער וואָלטען געווים הנאה האָבען פון סאָציאַליזמוס, ווען דער לעצטער וואָלט פערווירקליכט ווערען; דאָך זיי אַליין בילדען קיינמאָהל ניט קיין עלעמענט, וואָס איז אַזוי שטאַרק פעראינטערעסירט אין סאָציאַליזמוס, אַז ער זאָל קענען זיין דער איניציאַטאָר, און פאָרטרעטער פון אידעאַל. יאָ, מאַנכעסמאָהל קען דער פּראָלעטאַריאַט ארויסרופען געוויסע סימפּאַטהיען אין דער קליינבירגערליכער געזעלשאַפט, וואָס פערליערט צוליעב דער ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַל, אַלץ מעהר איהר פּאָזיציאָן, און איהר עקזיסטענץ ווערט אַלע מאָהל אונזיכערער. — אָבער ניט מעהר.

נ. סירקין האָט אויך געהאַט, וויא אַלע ציוניסטען פון זיין צייט, אַ טעות אין דעם חשבון פון יאָהרען, איבער דער פערווירקליכונג פון ציוניסטישען אידעאַל.

ער האָט געגלויבט, אַז דער ציוניזמוס ווערט באַלד פערווירקליכט, און עס איז דאַפיר אומזיסט, אַז דיא פערשיעדענע קלאַססען זאָלען צווישען זיך קעמפּפען אין גלות. מיט דיא זעלבע אויגען, וויא מיר ווייסען, האָבען געקוקט אַלע מאָהל דיא אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטען אויף דעם פּאָליטישען קאַמפּף, וויא אויף דעם עקאָנאָמישען.

בקיצור, דער סירקיניזמוס, אָדער, וויא מען רופט עס, „המוניזמוס“, איז געווען אַ סאָציאַליזמוס, איינגעהילט אין אַ אוטאָפּישען מאַנטעל.

אַנדערש אָבער איז דאָס געשטאַנען מיט דיא ארבייטער-פעראיינען, וואָס האָבען זיך געגרינדעט אין רוסלאַנד. דיעזע האָבען לחלוטין ניט געהאַט צו טהון מיט דעם „חרות׳יזמוס“, וואָס האָט אייגענטליך רעפּרעזענטירט נור אַ גרופּע מענשען אין אויסלאַנד.

אין רוסלאַנד האָבען דיא פּועלי-ציון לכתחילה, להיפך פון סירקין, וואָס האָט באַלד גערעדט פון סאָציאַליזמוס, זיך אָרגאַניזירט אויסשליסליך, און הויפּטזעכליך בלויז פאַר דעם עקאָנאָמישען קאַמפּף. דיא פּועלי ציון האָבען לכתחילה אפילו אויך געגלויבט אין דער באַלדיגער פערווירקליכונג פון ציוניזמוס, פון דעסטוועגען האָבען זייערע אינטערעסען זיי געשטופּט זיך אָרגאַניזירען אין בעזונדערע גרופּען, אין אַ בעזונדערע פּאַרטיי. פריהער זיינען זיי אפילו געווען געגען פּאָליטישען קאַמפּף; מיט דער צייט אָבער, ווערען זיי געשטופּט אויף דעם ראַדיקאַלען וועג, און דער גרעסטער טהייל נעהמט אויך אָן דעם פּאָליטישען קאַמפּף, דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל, און אויך דער ציוניזמוס ווערט גאַנץ אַנדערש אויפגעפאַסט.

אין דעם שטעקט קיין פּלא ניט. יעדער קלאַס האָט אויף יעדער לעבענ׳ס ערשיינונג, אויף יעדער זאַך, זיין אייגענעם קוק, בעטראַכט אַלעס פון זיין קלאַססענשטאַנדפּונקט. און דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, ווען ער האָט זיך דערקאַנט, האָט אויך דעם ציוניזמוס אויפגעפאַסט פון זיין קלאַססענ-שטאַנדפּונקט.

נאָך ביים אָנפאַנג, ווען דיא פּועלי ציון האָבען אַנערקענט בלויז דעם עקאָנאָמישען קאַמפּף, האָבען זיי שוין ערקענט דיא שוועריגקייטען, און דיא אוננאָרמאַליטעט פון זייער קאַמפּף. זיי האָבען שוין געזעהען וויא דיא פערהעלטניסע פון דער פּראָדוקציאָן, ביי וועלכער זיי זיינען בעשעפטיגט, זיינען גאַנץ אַנדערע, איידער ביי אַנדערע פעלקער, צווישען וועלכע זיי לעבען. זיי איז אויסגעקומען פיהלען דיא בעגרענעצטקייט פון זייער קאַמפּפס-פעלד. זיי האָבען געפיהלט, וויא זייער קאַמפּפס-ענערגיע געהט לאַבוד, ווייל דער זיעג איז ניט קיין שטענדיגע זאַך, נור אָפט אַ סעזאָנע, ווייל דיא פּראָדוקציאָן, אין וועלכע זיי זיינען בעשעפטיגט, איז אַ׳ן אָבגעשטאַנענע, זיי האָבען געזעהן וויא אויף דעם אידישען ארבייטער׳ס גורל איז מייסטענס אויסגעפאַלען דיא „סוועטינג-סיסטעם“ מיט אַלע איהרע פּרעגניות׳ן. דיא אידישע ארבייטער האָבען דאַן אָנגעהויבען פערשטעהן, אַז זיי ליידען ניט נור פון דער ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזמוס, נור מעהר פון איהר ניט גענוגענדע ענטוויקלונג, וויא מאַרקס האָט זיך מאָהל אויסגעדריקט איבער דייטשלאַנד. דאַן איז געבוירען געוואָרען דאָס וואָרט: „ניט-פּראָלעטאַריזאַציאָן“. צו יענער צייט איז דאָס אָבער נאָך ניט גענומען געוואָרען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם סאָציאַליזמוס, נור מיט דיא ריינע עקאָנאָמישע בעדירפניסע פון דער מאַססע. דיא ארבייטער-מאַססע, וואָס האָט געזעהן וויא זיא ליידעט דורך איהר ניט אריינטרעטען — און צוליעב נאַציאָנאַלע אורזאַכען — אין דער גרויס-פּראָדוקציאָן, און האָט ארויסגעלאָזט איהר לייזונג: מיר ווילען האָבען אַ לאַנד, האָט עס געהייסען, מיר ווילען אַ באָדען, וואו מיר זאָלען אריינדרינגען אין אַלע עקאָנאָמישע פּאָזיציאָנען, און ניט זיין דיא איינציגע טרעגער פון „סוועטינג-סיסטעם“. מיט סאָציאַליזמוס, וויא געזאָגט, האָט עס נאָך דאַן ניט געהאַט קיין שייכות.

דיא ארבייטער ציוניסטען פיהרען אָבער אָן אַ קאַמפּף מיט זייערע ארבייטס-געבער, און זיי הויבען אָן ביסלעכווייז ווערען בעוואוסט איבער דיא איבלען פון פּריוואַט אייגענטהום; זיי

הויבען אָן פאַרשטעהן דעם אונרעכט פון היינטיגער געזעלשאַפט, דען נאָך מעהר פון אַנדערע אַרבייטער פיהלען דיא אידישע אַרבייטער דעם פלוך פון דער היינטיגער אָרדנונג. אין דיא ענגע „שעפּער", אָהן לופט און אָהן ליכט, אין דרייען געבויגען ביים וואַרשטאַט, זיצט דער אידישער אַרבייטער, גיסט זיין שוויים, פערוואַנדלענדיג עס אין מעהר־ווערטה פיר דיא בעלי־הבתים. בעת פאַר זיך וועבט ער בלויז תכריכים. דער אידישער אַרבייטער ווערט בעגייסטערט פיר דעם אידעאַל פון סאָציאַליזמוס, דען נור דער אידעאַל קען איהם בעפרייען פון דיא קייטען, און ער וואַרפט זיך אין קאַמפף. דאָך באַלד דערפיהלט ער דיא מאַכטלאָזיגקייט זיינע איבערצוענדערען דיעזע געזעלשאַפט. ניט ער קאָנטראָלירט דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען, ניט ער קען דאָס אָבשטעלען. דיא הויפט נערווען פון געזעלשאַפטליכען לעבען זיינען אין קאָנטראָלע ביי אַנדערע אין דיא הענד, און ער איז אין אַללעמען אַ „תלוי בדעת אחרים". און פאַר דעם אידישען אַרבייטער סאָציאַליסט טרעט ווייטער ארויס דער אידעאַל פון טעריטאָריאַליזמוס, אַ שטרעבען צו אַ באָדען, וואו ער וועט קאָנטראָלירען דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען, וואו ער וועט קענען פיהרען אַ קאַמפף, און קענען זיעגען. נאָך מעהר, האָט דער אידישער אַרבייטער דערפיהלט זיין שוואַכקייט, אָנהויבענדיג זיך באַטהייליגען אין דעם פּאָליטישען קאַמפף.

און גראַדע אין יאָהר פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן, פון דיא גראַנדיעזע פּאַסירונגען, ווען דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט האָט ערשטוינט די וועלט מיט זיין אונזיעגבאַרער מאַכט, גראַדע דאַן האָט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט דערפיהלט זיין מאַכטלאָזיגקייט, אַלס סאָציאַלער כח. ער האָט דערפיהלט דיא פרוכטלאָזיגקייט פון דער אידישער רעוואָלוציאָן. ניט דער אידישער אַרבייטער קען זאָגען: „ווען מיין אָרם וויל, בלייבען דיא רעדער שטילל", ווייל דאָרט, וואו דיא מאָדערנע מאַשינען אַרבייטען, דאָרטען זיינען דיא אידישע אַרבייטער ניטאָ. ער האָט אויך דערפיהלט, אַז אויב ער וועט געווינען פיר זיך פּאָליטישע רעכטע, וועט עס זיין ניט ד ו ר ך דעם קאַמפף, נור פ אַ ר דעם קאַמפף. דער אונטערשיעד איז אַ גרויסער. אַנדערש וויא ביי אַלע אַנדערע טעריטאָריאַלע פעלקער, קומט ניט אונזער נצחון, אַלס אַ דירעקטער רעזולטאַט פון אונזער קאַמפף, און דריקט, אַלזאָ, מיט זיך ניט אויס דיא פערהעלטניסע פון דיא רעאַלע קרעפטען, ווייל ניט זייענדיג אין ערגעץ קיין מאַיאָריטעט, זיינען מיר ניט קיין כח, וואו דורך אונזער קאַמפף זאָלען מיר זיעגען, מיר געווינען אפילו פיעלע מאָל רעכטע פ אַ ר דעם קאַמפף, אַלס בעלאָהנונג, אָדער אַנערקענונג, דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלעס. ווארום אויך אין אונזער קאַמפף בשותפות מיט אַנדערע, קענען מיר מעהר ניט שפּיעלען ווי די ראָלע פון אַ „אויפרייצענדען מיטעל" פון דעם „שאור שבעיסה," „אַלס אייל אויף דיא רעדער פון פּראָגרעס". — מעהר אָבער ניט. דער מאָדערנער קאַמפף פון דיא פּראָלעטאַריער וואָס דריקט זיך אויס הויפּטזעכליך אין דעם כח אָפּצושטעלען דיא פּראָדוקציאָן און אויף אַזאַ אופן צווינגען דיא געזעלשאַפט זיך צו הערען צו זייער פערלאַנג, דעם קאַמפף קען דער אידישער פּראָלעטאַריאַט ניט פיהרען.

און ווייטער האָט ארויסגעטראָטען פאַר דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט דיא אידעאָלאָגיע פון אַ לאַנד, אָבער אין אַ גאַנץ אַנדערען ליכט.

דער פּונקט פון דעם טעריטאָריאַליזמוס אין דער ס. ס. פּראָגראַם האָט שוין בעקומען דיא צווייפאַכע בעדייטונג, וויא יעדער סאָציאַליסטישע פאָדערונג: אי דאָס וואָס זיא ענטשפּרעכט דיא עקאָנאָמישע בעדירפניסע פון דיא אַרבייטענדע מאַסען, — דען נור אויף אַ טעריטאָריום קען דיא מאַסע קריגען פּלאַטץ וואו צו לייגען זייערע „הענד"; דאָס האָט אָבער אויך אַ אידעעלע בעדייטונג פיר דעם אידישען אַרבייטער, דען אַ ערפאָלגרייכער קאַמפף פיר דעם סאָציאַליזמוס איז אויך מעגליך נור דאַן, ווען דיא אידישע אַרבייטער לאַגע וועט זיין נאָרמאַל.

ערשט דאַן איז פיר דעם אידישען אַרבייטער, וואָס האָט ערקענט דיא סבה פון זיין אידעאָלאָגיע, ארויפגעשוואומען דיא פראַגע, צו איז דער אידעאָלאָגיע, וואָס איז געקומען אַלס אַ רעזולטאַט פון דער ספּעציפישער אידישער אַרבייטער לאַגע, פון דיא פערהעלטניסע פון דער אידישער פּראָדוקציאָן, געשיכטליך בעשטימט פערווירקליכט צו ווערען? אויב עס זיינען דאָ אָביעקטיווע קרעפטען, וועלכע זיינען מחויב דיא רעאַליזירונג פון דעם טעריט. אידעאַל? נאָך דער פראַגע האָבען געפאָלגט אַנדערע פראַגען, וויא, וועלכע קלאַסען אין אידישען פאָלק, חוץ דעם אַרבייטער קלאַס, זיינען פעראינטערעסירט אין דעם טעריטאָריאַליזמוס? קען דער פּראָלעטאַריאַט אַליין פערווירקליכען דעם טעריטאָריאַליזמוס? און אויב ער קען ניט אַליין פערווירקליכען, מעג ער אין דעם פּונקט פון טעריטאָריאַליזמוס געהן האַנד אין האַנד מיט דיא אַנדערע קלאַסען, וועלכע זיינען צוליעב זייערע אינטערעסען אויך פעראינטערעסירט אין טעריטאָריאַליזמוס? אויף דיא אַלע פראַגען האָט דיא פּאַרטיי געמוזט געבען אַן ענטפער. וויא אַזוי זיא האָט דיא פראַגען געענטפערט וועלען מיר רעדען שפּעטער.

מיר וועלען זיך דערווייל אומקעהרען צו אונזער קריטיקער.

פריינד יעקב מילך, ניט וויסענדיג דעם

גאַנצען ענטוויקלונגס גאַנג פון דער פּראָלעט. ציוניסטישער בעוועגונג, טהיילט זיא איין אין צוויי טהיילען: אין סאָצ. צוליעב ציוניזמוס, און אין ציוניזמוס צוליעב סאָציאַליזמוס, כאָטש עס איז „לא דובים ולא יער“. לויט זיין אייגענאַרטיגער היסטאָריע, קומט אויס, אז עס האָט זיך נאָך דעם זיבעטען קאָנגרעס געגרינדעט אַ נייע פּאַרטיי, דיא פּאַרטיי ציונים. סאָציאַליסטען כאָטש דיא פּאַרטיי איז אויף דעם זיבעטען קאָנגרעס געקומען אַ׳ן אָרגאַניזירטע נאָך פון לאַנג, וועהרענד ניט אָרגאַניזירט ד. ה. צואוואָרפענע פעראיינען, אונגעפעהר מיט דעמזעלבען פּראָגראַם, האָבען עקזיסטירט שוין גאַנצע פינף יאָהר. ווייטער, דיא „חרות“, פערשטעהט פריינד מילך, וויא אַ פערזוך אַריינצונאַרען — בלא יודעים — דיא מאַסען, וואָס האָבען ניט געוואָלט געהן צום ציוניזמוס, און פאַרשטעהט אייגענטליך ניט צוליעב וואָס דער „חרות׳יזמוס“ איז אַרויסגערופען געוואָרען, און אויך ניט וואָס איז זיין הויפּט חסרון.

נאָך מעהר מאַכט זיך אונזער פריינד לוסטיג איבער דער טהעאָריע פון ס. ס. ער בענוצט לצנות אָהן אַ שיעור, פערקלעמט יעדעס וואָרט אין גענזענפיסכען און מיינט ער הרג׳עט אַוועק דיא טהעאָריע. אָט לאַכט, למשל, יעקב מילך פון דעם, וואָס זיי צוטהיילען דעם פּראָלעטאַריאַט אין נעגאַטיווען און פּאָזיטיווען, און ער זאָגט מיט איראָניע: „דיא אידישע אַרבייטער זיינען קבצנים, און זיינען דאַפיר כשר׳ע פּראָלעטאַריער“. עס קען זיין, אַז דיא טערמינאָלאָגיע „נעגאַטיווע“ און „פּאָזיטיווע“ איז ניט קיין גאַנץ געלונגענע, לאַכען איז אָבער ניטאָ וואָס, ווייל דער זינן איז ריכטיג. דען אויב עס איז אמת, אַז לויט דער אַלגעמיינער אָנגענומענער דעפיניציאָן פון פּראָלעטאַריער, הייסט דער אַ פּראָלעטאַריער, וואָס פערמאָגט קיין אייגענע פּראָדוקציאָנס־מיטלען ניט, און מוז פערקויפען זיין קראַפט, און עס איז קיין אונטערשיעד, ביי וואָס מען איז בעשעפטיגט, און, אין דעם זינן זיינען דיא אידישע אַרבייטער כשר׳ע פּראָלעטאַריער, איז אָבער פון דער אַנדערע זייט אמת, אַז אין סאָציאַלען זינן, מיר מיינען, וואָס אַנבעלאַנגט דער ראָלע וואָס יעדער טהייל פון פּראָלעט. שפּיעלט אין לעבען איז געוויס דאָ אַן אונטערשיעד פון פּראָלעט. ביז פּראָלעטאַריער.

וויא קאַוטסקי בעמערקט ערגעץ וואו אין זיינע „עקאָנאָמישע עטיודען“ איז נור דער אַרבייטער וואָס איז בעשעפטיגט אין דער גרויס אינדוסטריע, דער וויכטיגער פאַקטאָר אין דער היינטיגער געזעלשאַפט. לענגער שטעלט זיך אויף דעם פאַקט אָפּ פּראָפ. זאָמבאַרט אין זיין הקדמה צום ביכעל „סאָציאַליזמוס און סאָציאַלע בעוועגונגען אין 19טען יאָהרהונדערט.“ וויא ער ווייזט דאָרטען אָן, איז דעם אַרבייטער, וועלכער איז בעשעפטיגט אין דער גרויס אינדוסטריע, בעשערט צו שפּיעלען דיא וויכטיגסטע ראָלע אין איבערענדערען דיא געזעלשאַפט, ווייל ער לערנט דער ערשטער דיא נויטהווענדיגקייט פון אחדות, ער זעהט פיר זיינע אויגען וויא דאָס אייגענטהום ווערט געשאַפען קאָלעקטיוו, ער פערלירט שנעלער זיין קליינבירגערליכע פּסיכאָלאָגיע, ווייל ער קען ניט חלום׳ען פון ווערען אַמאָל אַן אונאַבהענגיגער מייסטער, ער דערפיהלט אויף זיין קראַפט, וואָס ער בעזיצט צוזאַמען מיט זיינע מיט־ברידער, ער זעהט אויך וואָס פיר אַן איבריגער מיטגליעד עס איז אין דער געזעלשאַפט, דער „וואָס פערמאָגט אַלעס, און טהוט גאָר ניט“. דער עקאָנאָמישער קאַמפּף, וועלכען ער פיהרט אָן אַלע מאָל, ווייזט איהם זיין כח, דיא צויבער־קראַפט, וואָס ער בעזיצט אָפּצושטעלען דעם לעבענס־גאַנג און טהעטיגקייט פון דער געזעלשאַפט, דאָס וועקט אין איהם דיא האָפנונג, דאָס קריסטאַליזירט זיין סאָציאַל־בעוואוסטזיין, און דער מאָדערנער פּראָלעטאַריער ווערט דאַפיר דער ריכטיגער רעפאָרמאַטאָר און וויכטיגער טרעגער פון סאָציאַליזמוס אין דער היינטיגער געזעלשאַפט.

דעם זעלביגען געדאַנק האָבען אייגענטליך אויסגעדריקט דיא ס. ס. אין דיא ווערטער: פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו. דאָס איז אייגענטליך אין אַנקלאַנג מיט דעם מאַרקסיזם. און וואָס קען דאָ העלפען, פריינד מילך, דיא גענזענפיסכען?

ווייטער. דיא פּ. פּ. ס. האָבען אויף זייער פאָהן אויפגעשריבען דיא אונאַבהענגיגקייט פון פּוילען, דאַן האָבען זיי, אום צו בעווייזען, וויא זיי האָבען רעכט אין זייער פאָדערונג, געפונען פיר נייטיג צו בעווייזען, אַז אַ חוץ דעם פּראָלעטאַריאַט זיינען אויך אַנדערע עלעמענטען פעראינטערעסירט אין דער אונאַבהענגיגקייט, און דאָס גיט זיי אַ גאַראַנטיע פאַר זייער זיעג.

אויך קאַוטסקי אין דעם אַרטיקעל איבער „דיא אונאַבהענגיגקייט פון פּוילען“, רעדט פיעל איבער דיא אונצופריעדענע עלעמענטען, וואָס ווילען פריהער אָדער שפּעטער אַרויסטרעטען געגען רוסלאַנד. ער רעדט אפילו פון עלעמענטען, וואָס זיינען נאָך יעצט צופריעדען מיט דער רוססישער העגעמאָניע, וועלכע אָבער וועלען מיט דער צייט אונצופריעדען ווערען, און אויך צוליעב דיא טעמים גערעכטפערטיגט ער דיא פאָדערונג פון פּ. פּ. ס.

וואָס זאָגען דיא ס. ס.? דיא סאָצ. ציוניסטען בעהויפּטען, אַז ניט נור דיא פּראָלעטאַריער זיינען פעראינטערעסירט אין טעריטאָריאַליזמוס, נור אויך דיא גרויסע ניט־פּראָלעטאַריזירטע מאַסע, וועלכע איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען פּאָטענציעלע פּראָלעטאַריער; פעראינטערעסירט

זיינען אויך דיא קליינבירגער, וואָס ווילען האָבען אַ נאַציאָנאַלען מאַרקעט, און פּטור ווערען פון דעם אַנטיסעמיטיזמוס, וואָס יאָגט זיי נאָך וויא אַ שאָטען אין אַלע לענדער, וויא אין דיא עמיגראַציאָנס, איממיגראַציאָנס, און טראַנס־עמיגראַציאָנס לענדער.

דיא ס. ס. בעהויפּטען ווייטער, אַז אפילו אַ טהייל פון דער גרויס־בורזשואזיע מוז אויך קומען צום טעריטאָריאַליזמוס. דאָס איז שוין דערפאַר, ווייל אין דיא אונרוהיגע צייטען פון אַנטיסעמיטיזמוס, קומט זיי אויך אויס ליידען אונאַנגענעהמליכקייטען, און פיעלע מאָהל רופט עס זיך אָפּ אויף זייער סאָציאַלער לאַגע. ניט אומזיסט בעשעפטיגט זיך אַזוי פיעל דיא אידישע בורזשואזיע מיט פילאַנטראָפּיע, מיט דעם צוועק צו העלפען דיא אידען אויף דעם אָרט, דאָס האָט אַזוי פיעל וויא געהייסען, זיצט דאָרט אויף דעם אָרט וואו איהר זייט, און צוטראָגט ניט דיא מגפה ווייטער. און אויב דיא אידישע מאַסע האָט דאָך עמיגרירט, איז דער בעוויז פון דער בורזשואזיע ביז יעצט געוועזן: „צערשפּרייט זיך לכל פּנות העולם, ווערט בטל בששים, און לאָז מען פון אייך ניט הערען!" דיא בורזשואזיע, וואָס איז ניט פעהיג בעטראַכטען אַ געזעלשאַפטליכע ערשיינונג אין איהר גאַנצער ענטוויקלונג, לויט איהר צוקינפטיגע טענדענצען, וואָס קענען זיך ניט אויפהויבען העכער פון געגענוואַרט'ס אינטערעסען, און איז ניט פעהיג אויף קיין ראַדיקאַלע ענדערונג, זייענדיג אַלס אַ רעזולטאַט פון איהר לאַגע אין דער געזעלשאַפט קאָנסערוואַטיוו געשטימט, האָט ניט געקענט איינזעהען, אַז אין דער עמיגראַציאָן ליעגט ממילא פערבעהאַלטען דער כח פון קאָנפעדעראַציאָן, און אויב זיי האָבען צו־וואָרפען דיא עמיגראַציאָנע מאַססען, האָט עס געהייסען ניט מעהר וויא געשאַפען נייע צענטערע אין דיא נייע לענדער, און מיט דעם געשאַפען אַ באָדען פיר דעם אַנטיסעמיטיזמוס אין דיא נייע לענדער. נון, אויב דיא בורזשואזיע האָט עס ניט געקענט איינזעהען ביים אָנפאַנג פון דער עמיגראַציאָן, מוז זיא שוין מודה זיין איהר טעות יעצט. ניט אומזיסט הערען מיר יעצט אַ טהייל פון דער בורזשואזיע רעדען וועגען דער טעריטאָריאַלישער לעזונג פון דער אידענפראַגע. ניט פיר זיך, פאַרשטעהט זיך, ווילל זיא דיא טעריטאָריום, זיא איז מיט דעם לייב און לעבע צוגעבונדען צו דעם לאַנד, וואו זיא מאַכט איהרע געשעפטען, זיא וועט אָבער זיין געצוואונגען בעטייליגען זיך צוליעב דער געפאַהר וואָס איהר דראָהט פון דעם וואַקסענדעם אַנטיסעמיטיזמוס וועלכער יעצט ווערט פערשטאַרקט מיט דער וואַקסענדער עמיגראַציאָן.

און דיא ס. ס. מיט זייער אַנצייגען אויף דיא אַנדערע עלעמענטען, וואָס זיינען פעראינטערעסירט אין טעריטאָריאַליזמוס האָבען וויא דיא פּ. ס. ס. געמיינט אַנצוואַווייזען אויף דיא קרעפטען, וואָס וועלען חוץ דיא פּראָלעטאַריער העלפען אין דער רעאַליזירונג, וואָס דאָס מיינט געוויסער מאַססען אַ גאַראַנטיע פיר אַ זיעג.

וואָס זשע זאָגט יעקב מילך, ברענגענדיג די אַלע אַרגומענטען, אויף דעם אַלעמען? ער חזר'ט זיך אַליין איבער. ער שיינט האַלט אַזוי פיעל פון זיינע אַרגומענטען געגען דעם ציוניזמוס, אַז ער זאָגט דאָ אַלע נאַכאַמאָהל איבער.

און ווייטער אַמאָהל הערען מיר דיא זעלבע תורה: אַ פאָלק פון צעהן מיליאָן קען באַין אופן ניט אריבערפאָהרען פון איין עק וועלט אין דעם צווייטען א. ז. וו. דיא מענשען, ביי וועמען דיא קינדער האַלטען ערשט אין וואַקסען וועלען ניט וואַנדערען אין דער וויסטענים, וועלכע האָט קיינע שוהלען, קיין קולטור א. ז. וו. — בעל־הבית'שע אַרגומענטען! אָבער פאַרגעסט ניט — שרייעט נאָך יעקב מילך — דיא בונדיסטען וועלען ניט געהען. הימעל עפען זיך!

און ווייטער פרעגט ער נאַאיוו דיא קשיא: מי ומי ההולכים? בעת דיא עמיגראַציאָן וואַקסט און נעהמט אַלע מאָהל אָן אַ גרעסערע פּראָפּאָרציאָן. מיט דיעזע אַרגומענטען האָט ער זיך אָבער בלויז בענוצט, וויא עס פערזיכערט אונז אונזער קריטיקער, נור אויף דערוויילן, צוגעבענדיג אונז אין זיין גרויסמוטה, אַז אונזער טהעאָריע איז ריכטיג. ער האָט אָבער אויף זיך גענומען צו קלאַפּען אונזער טהעאָריע אויך. אָבער הכצעקתה? איז איהם ווירקליך געלונגען ברעכען אונזער טהעאָריע? איבער דעם נעכסטען מאָהל.

קאָמוניסטישע קאָלאָניען אין אמעריקא

פון ח. אלעק סאַנדראָוו.

3.

אוטאָפּיסטיש־סאָציאַליסטישע און קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניען.

די פּראָבעס מיט'ן קאָמוניזמוס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען ניט לשם שמים, נאָר פאַר גאַנץ פּראַקטישע צוועקען, אום דורכצופיהרען א געוויסען סאָציאַל־עקאָנאָמישען אידעאַל, האָבען אין אלגעמיין געהאַט א שלעכטען מזל און קורצע יאָהר. דיא היסטאָריקער פון דער קאָמוניסטישער בעוועגונג האָבען אָנגעוויזען אויף א סך אורזאַכען פון דער טרויעריגער ערשיינונג, און דער עיקר אויף דעם, וואָס דיא סאָציאַליסטישע קאָמונעס האָבען ניט געהאַט קיין פייהיגע פיהרער, און דיא קאָמוניסטען גופא זיינען בכלל געווען אַנאַרכיסטיש־געניגט און האָבען ניט געוואָלט אנערקענען קיין אויטאָריטעט, קיין עלטערען. פערקעהרט, אין דיא רעליגיעזע קאָמונעס האָבען דיא גרענדע געפיהרט אלע מאָל ענערגישע מענשען, וואָס דיא בעפעלקערונג האָט אין זיי געגלויבט, וויא א חסיד אין דעם גוטען אידען, און איז, פערשטעהט זיך, ניט ארויס פון זייער רשות. א שטיקעל אמת איז דאָס, אָבער ניט דער גאַנצער אמת. און פיעל נעהנטער צום אמת איז בלתי ספק מ. הילקוויט, וועלכער באַלויכט דיא פראַגע פון א סאָציאַליסטישען שטאַנדפּונקט.

דיא רעליגיעזע קאָלאָניען, זאָגט ער אין זיין בעקאַנטען בוך („געשיכטע פון סאָציאַליזם אין אמעריקא,“ ז. 134 — 190), זיינען געווען על פּי רוב באַזעצט מיט געזונטע דייטשע ערד־אַרבייטער, וועלכע האָבען געקאָנט אויסקומען אונטער דיא ערגסטע לעבענס־בעדינגונגען. אין דיא ניט־רעליגיעזע קאָלאָניען געפינט מען אָבער א געמישטע בעפעלקערונג פון שטעדטישע אידעאַליסטען, וועמעס הענד עס קלעפּען צו אלץ אין דער וועלט א חוץ צו דער נויטהווענדיגסטער בעשעפטיגונג, צו ערד־אַרבייט. און געוואוינט זיינען זיי נאָך דערצו צו א ברייטליכען לעבען, צו לוקסוס־אַרטיקלען, אין וועלכע דער געבאָרענער אין דאָרף האָט אפילו קיין ידיעה ניט. וואָס איז דער חידוש, אז דיא דייטשע פּויערים האָבען געאַקערט דיא ערד פלייסיג און מיט טאַלק און זיינען דערפאַר באַלוינט געוואָרען מיט א כשר פערדיענטען ערפאָלג, וועדליג דיא שטאָדטישע אידעאַליסטען האָבען זיך גיך געמוזט איבערצייגען, דאָס ערד־אַרבייטער וועלען זיי קיין מאָל ניט ווערען און מען דאַרף דאַרום פערקירעווען דיא לייצעס צוריק אין שטאָדט אריין.

ס'איז פאַראַן אָבער נאָך א וויכטיגע סבה. דיא רעליגיעזע קאָלאָניען האָבען זיך געגרינדעט, צוליעב א בעשטימטען רעליגיעזען צוועק, און דער קאָמוניזמוס זייערער איז געווען, אייגענטליך, ניט מעהר וויא א זייטיגע זאַך, א מין צוצפּענים צום הויפּט־בנין. דעריבער, וויא מען האָט נאָר באַמערקט, אז דער קאָמוניזמוס שעדיגט דיא מאַטעריעלע אינטערעסען פון דער קאָלאָניע, האָט מען געזעהען פון איהם וואָס שנעלער פּטור צו ווערען, און דאָס געוויסען איז דערביי געבליעבען גאַנץ רוהיג.

דיא שייקערס, דיא האַרמאָניסטען און אַנדערע רעליגיעזע קאָמונעס האָבען בעשעפטיגט לוין־אַרבייטער אויף דיא פעלדער און אין דיא שעפּער, און לסוף זיינען זיי געוואָרען טאַקי אייגענע אַגריקולטורעלע און מאַנופאַקטורישע קאָרפּאָראַציעס נאָך'ן קאַפּיטאַליסטישען שניט. דיא סבה פון זייער ערפאָלג איז געלעגען אויף אַזאַ'ן אופן דוקא אין דעם, וואָס זיי זיינען אוועק פון קאָמוניזמוס. אַנאַנדער פּנים האָבען אָבער די ניט־רעליגיעזע קאָלאָניען. זיי האָבען זיך געגרינדעט מיט'ן איינציגען צוועק צו אגיטירען פאַר'ן קאָמוניזמוס, און איינצוגעהן אויף וואָס'ערע ניט איז פּשרות מיט זייער קאָמוניסטישען אידעאַל וואָלט, פערשטעהט זיך, געווען פאַר זיי מאָראַלישער טויט. און זיי זיינען דאַרום גיכער געגאַנגען צום גרונד, איידער פערוואַנדעלט צו ווערען וויא יענע, דיא גאָטס־פאַרכטיגע סעקטאַנטען, אין קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאָרען.

דיא סאָציאַליסטישע קאָמונעס צוטהיילען זיך אין עטליכע גאַנץ באַשטימטע גרופּען. דיא עלטסטע אין דיא גרופּען איז געוואָרען צום לעבען דורך דעם איינפלוס פון בעריהמטען ענגלישען פילאַנטראָפּ ראָבערט אוען (1771 — 1858). בסך הכל זיינען געווען געגרינדעט נייןצעהן אועניסטישע קאָלאָניען, דיא ערשטע פון

זיי אין 1825, און כמעט אַלע האָבען געהאַט כרת־יאָהרען.

דיא צווייטע גרופּע, ארגאַניזירט נאָך דער טעאָריע פון פראַנצויזישען דיינקער שאַרל פוריע (1772 — 1837), האָט ארומגעכאַפּט זיבען און צוואַנציג קאָלאָניען.

דיא פוריעריסטישע בעוועגונג אין אמעריקא האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1843 און אין אַלגעמיין האָט זיא געהאַט א בעסערען ערפאָלג פון דער אָוועניסטישער. דערנאָך קומט דיא גרופּע פון איקאַריאַנישע קאָלאָניען, געגרינדעט דורך דיא אנהיינגער פון'ם פראַנצויזישען רעוואָלוציאָנערן שרייבער עטיען קאַבע (1788—1856). דיא קאָמונעס פון דער גרופּע האָבען עקזיסטירט אין פערשיעדענע טיילען פון לאַנד מיט מעהר אָדער וויינינגער הצלחה, פון 1848 ביז 1895. דיא פיערטע גרופּע געהערט שוין צו דער מאָדערנער צייט. דא געפינען זיך עטליכע און צוואַנציג קאָלאָניען, וואָס זיינען אויפגעוואַקסען פאר דיא לעצטע 15 יאָהר און וואָס זייער כאַראַקטער איז ענטוועדער א ריין־קאָאָפּעראַטיווער אָדער איז דורכגעדרונגען מיט א שטאַרקען סאָציאַליסטישען גייסט, א טייל איז שוין אין גאַנצען אונטערגעגאַנגען, און פון דיא איבערגעבליעבענע קען זיך אויך כמעט קיין איינע ניט בעריהמען מיט א פאָלשטענדיג געזיכערטער עקזיסטענץ.

4.

די אָוועניסטישע גרופּע. ראָבערט אָוען'ס קאָמוניזמוס האָט זיך גענומען פון זיין בעקאַנטער טעאָריע, אז דעם מענשען'ס כאַראַקטער בעשאַפען דיא ארומיגע אומשטענדען, איבער וועלכע ער, דער מענש, האָט קיין שום שליטה ניט. דער מענש, האָט אָוען געלערנט, קען ווערען א ווילדע אכזריות'דיגע חיה, א מענשען־פרעסער אָדער א הויך־ציוויליזירטע און צום גוטען גענייגטע פּערזאָן, — אַלץ ווענדעט זיך אָן דיא אומשטענדען, אין וועלכע ער געפינט זיך פון זיין געבורט אָן."

דער לאָגישער שלוס פון דער טעאָריע איז נאַטירליך געווען, אז אויב דיא מאַטעריעלע אומשטענדען וועלען זיין גלייך פאר אַלעמען, וועלען דיא מענשען זיין עגאַל גליקליך און מאָראַליש. און דער ברייטהאַרציגער פילאַנטראָפּ, מיט א רייכער ערפאַהרונג אין אויסבעסערען דעם מענשען'ס כאַראַקטער דורך א פערבעסערונג פון זיין עקאָנאָמישער לאַגע, נעמט מאַכען קאָמוניסטישע פּראָבעס. אין 1828 האָט ער דערהערט, אז דיא סעקטאַנטישע קאָלאָניע הארמאָניסטען אין אַמעריקא קלייבט זיך אריבער פון אינדיאַנא קיין פּענסילוועניא. ער האָט זיך תיכף אוועקגעלאָזט איבער'ן ים און אָבגעקויפט ביי דיא סעקטאַנטען זייער

גאַנצע קאָלאָניע מיט האַק און פּאַק פאר 140 טויזענד דאָל. דאָס איז געוואָרען דיא ערשטע אָוועניסטישע קאָמונע, בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „דיא נייע הארמאָניע."

מען קען זאָגען מיט רעכט, אז ביי גינסטיגערע אומשטענדען וויא דאָ, איז א קאָמוניסטישע קאָלאָניע נאָך קיין מאָל ניט געגרינדעט געוואָרען. דיא קאָלאָניסטען האָבען געפונען פאַרטיגע הייזער, 3000 אַקער בעאַרבייטע ערד, סעדער און וויינגערטנער, דיא נויטיגע מאַשינעריי, מיהלען, פאַבריקען, דערצו איז פאר אַלץ געווען באַצאָהלט מיט מזומן געלד, און מען האָט ניט געוואוסט פון דעם יאָך פון חובות. קיין וואונדער ניט, וואָס אָוען גופא איז געווען שטאַרק בעגייסטערט מיט זיין מציאה און האָט געהאָפט אויף דיא גליקליכסטע צוקונפט. אין א שיין־קלינגענדיגען מאַניפעסט לאַדעט ער איין די מענשען־קינדער פון אַלע פעלקער צו קומען אין זיין גן־עדן און צו געניסען דיא פרוכט פון ארבייט אין א ריינער און ליכטיגער אַטמאָספערע.

און דיא מענשען־קינדער האָבען זיך טאַקי גיך אָבגערופען אויפ'ן ענטוזיאַסטישען קול־קורא. בקרוב 900 נפשות זיינען געקומען אין די „נייע הארמאָניע," מענער און פרויען, כמעט פון יעדען שטאַאַט אין אמעריקא און פון יעדען לאַנד אין צפון־אייראָפּא. א משונה'דיג־מאָדנער עולם איז דאָס געווען, דיינקער און עם־הארצים, אידעאַליסטען און לומפּען־אוואַנטורניקעס, האָראָפּאַשנע בעל־מלאכות און גאָלע גאַרנישטען. ווער עס איז געקומען אויס נייגיעריגקייט, ווער — צו לעבען א גוטען טאָג אויף אַל'דעם גרייטען, ווער — אנצומאַכען צרות.

מיט אזא דור הפלגה איז געווען שווערלאָך צום טיש צו געהען. אָבער אָוען איז ביי זיך ניט אַרונטערגעפאַלען, צו שטאַרק איז זיין גלויבען געווען אין דיא מענשליכע נאַטור. צו היים זיין בעגייסטערונג. און מיט דער הילף פון א קלוגער פיהרערשאַפט האָט מען זיך וויא ניט איז איינגעשטעלט און גענומען בעל־הבית'עווען אין דער קאָלאָניע אויפ'ן קאָמוניסטישען פּרינציפּ.

בלויז צוויי יאָהר האָט געלעבט דיא „נייע הארמאָניע," און פאר דיא צוויי יאָהר האָט זיא איבערגעביטען זיבען פערשיעדענע רעגיערונגס פאָרמען, זיבען קאָנסטיטוציאָנען, דיא גאַנצע צייט האָבען ניט אויפגעהערט זיך אבצוטהיילען קליינע גרופּקעלעך, וואָס זיינען אוועק גרינדען קאָמונעס פאר זיך. אָבער אויף זיי אויף אַלעמען איז געלעגען עפּעס א קללה, און זיי זיינען אומגעקומען איינע נאָך דער אנדערער. ענדליך, אין 1827, איז דיא „נייע הארמאָניע" געוואָרען אויס קאָמונע. אין דאָרף האָבען זיך געעפענט פּריוואַטנע קראָמען און שעפער. ס'האָט זיך מיט

אַמאָל אויך אויפגעעפענט א שיינק, און דער גן־עדן, פון וועלכען ראָבערט אוען האָט אזוי זיס געטרוימט, איז געוואָרען א געוועהנליכער מאַרק פון מענשליכען שווייס און בלוט.

פון דיא איבעריגע קאָמונעס פון דעם אועניסטישען שניט איז ניטאָ א סך צו רעדען. דיא קאָלאָניע אין יעלאָו־סכרינגס, ניט ווייט פון סינסינעטי, האָבען געגרינדעט א הונדערט אריסטאָקראַטישע פאַמיליען, און מעהר וויא א האלב יאָהר האָט מען זיך ניט באשעפטיגט מיט דער שווערער און שמוציגער ערד־ארבייט. א צווייטע קאָלאָניע — נאשאָבא, אין טענעסי, האָט זיך אין 1826 געגרינדעט דורך פרענסעס רייט, א שאָטלאנדין, א הייסע אַנהיינגערין פון ראָבערט אוען. זיא האָט „ענטליהען" ביי שקלאַפען־בעזיצער א פּאָאר נעגערשע פאַמיליען און מיט דיא שווארצע גענומען פיהרען א קאָמונע. איהר הויפט געדאנק איז געווען צו ערציהען דיא נעגערס צו אזא שטופע פון ענטוויקלונג, אז זיי זאָלען זיך קענען אין אלעמען אויסגלייכען מיט דיא ווייסע. אין אַנהויב, אזוי וויא ביי'ם אָנהויב פון יעטוועדערן אידעאַליסטישען פּלאַן, איז געווען „ניט צו פערזינדיגען." אָבער דער גרויסער יאָך, וואָס דיא גרינדער האָבען גענומען אויף זיך, האָט זיך שנעל אָנגעהויבען צו פיהלען. עס איז געקומען ענטטוישונג, ענטמוטיגונג, מיעדקייט, אָבקיהלונג, וויא געוועהנליך דיא מעשה איז. נאשאָבא האָט זיך אין 1828 אויפגעלעזט, און דיא שווארצע קאָמוניסטען, בעפרייטע פון די שקלאַפישע קייטען, האָט מען אוועקגעשיקט קיין האַיאיטי.

דיא קלענערע אועניסטישע קאָמונעס האָבען אלע קיין שום תקומה ניט געהאט.

דיא פוריעריסטישע גרופּע.

שארל פוריע'ס טעאָריע איז ניט געווען קיין קאָמוניסטישע, הגם דיא סאָציאלע רעפאָרמען, וואָס ער שלאָגט פאָר, קענען דורכגעפיהרט ווערען נאָר מיט דער הילף פון קאָלאָניען אָדער, ווי זיי הייסען ביי איהם פאלאנסטער. אין איין פאלאנסטער דארף זיין צווישען 1500 און 2000 מענשען, ניט ווייניגער יעדענפאלס פון 500. דיא בעפעלקערונג צופאלט אין גרופען. דיא גרופען— אין קלענערע גרופקעלאך. איין קליינע גרופקעלע בעשטעהט פון 7 ביז 9 פערזאָן, וועלכע האָבען דעם זעלביגען געשמאַק, און עהנליכע כאראַקטער־שטריכען. דיא גרופּקעלע נעהמט אויף זיך א געוויסע ארבייט, נאָמיר זאָגען, אכטונג צו געבען אויף דיא עפּעל־בוימער. א צווייטע גרופּקעלע גיט אכטונג אויף אַנאנדער סאָרט פרוכט־בוימער, א דריטע — ווידער אויף אַנאנדערען, און פון דיא אלע גרופּקעלעך ווערט אויף אַזאַ'ן אופן צונויפגעשטעלט דיא גרעסערע גרופּע, וואָס גיט זיך אָב מיט איין ספּעציעלער ארבייט: דיא פרוכט־בוימער. פערשטעהט זיך, קלייבט זיך יעדער אויס דיא ארבייט צו וואָס ער האָט מעהר חשק.

אין דער פאלאנסטערע זיינען ניטאָ קיין שום פאַראזיטען. דיא פרוי איז בעפרייט פון דער הויז־ארבייט, וואָס פערדולט דעם מח, און טוט וואָס פאר אן ארבייט זיא וויל, נאָך דיא נייגונגען פון איהר נאַטור. די בעל־הבית'ישקייט ווערט געפיהרט אויפ'ן קאָאָפּעראַטיווען, בשותפות'דיגען פּלאַן. קינדער פון דריי יאָהר אלט הויבען שוין אָן צו העלפען אין קיך; זייער ענערגיע, הייסט דאָס, געהט ניט פערלאָרען אין שטיפערייען און מען נוצט זיא אויס „צום וואָהל און בעסטען" פון דער קאָלאָניע. און וואָס עלטער דאָס קינד ווערט, ברייננט דאָס נאַטירליך אַלץ מעהר נוצען.

דיא פאלאנסטערע איז אָבער קיין קאָמונע ניט. זיעבען אכטעל פון דיא מיטגלידער זיינען ערד־ארבייטער און בעלי מלאכות, דיא איבעריגע — קאַפּיטאַליסטען, געלערנטע אי'ן קינסטלער. דיא אדמיניסטראַציאָן פיהרט מיט יעדען מיטגליעד א בעזונדערן חשבון, און צום סוף יאָהר צאָהלט מען איהם ארויס וואָס עס קומט איהם, נאָך דיא אָנגענומענע פרייזען. די פּראָפיטען ווערען אלע יאָהר צוטהיילט אויף דריי חלקים: פינף צוועלפטלאך בעקומט ארבייט, פיער צוועלפטלאך — קאַפּיטאל, דריי צוועלפטלאך — פייהיגקייט און טאַלענט. ארבייט גופא טהיילט זיך אַיין אין דריי קלאַסען: דיא נויטווענדיגע, דיא ניצליכע, דיא אנגענעהמע. פאר דער נויטווענדיגער ארבייט ווערט בעצאָהלט בעסער וויא פאר דיא צוויי אַנדערע.

דיא פוריעריסטישע טעאָריע איז אלזאָ ניט מעהר וויא א קאָמפּראָמיס מיט'ן קאָמוניזמוס, א מין שלום מאַכעריי צווישען קאַפּיטאל און ארבייט. אָבער דער דיינקער איז געווען איבערצייגט, אז זיין רעפאָרמע וועט ראַטעווען דיא וועלט, בעגליקען דיא מענשהייט, וויא אלע אוטאָפּיסטען, האָט ער געגלויבט באמונה שלמה, דאָס דורך דיא פאלאנסטערע וועט דיא מענשהייט זיך פעראייניגען אין א גרויסע ברידערליכע פאַמיליע, און פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטען וועט זיין איין ציוויליזאַציאָנס־צושטאנד, איין סדר פון לעבען, איין שפּראַך. ער האָט שוין אפילו געהאט אויסגערעכענט, דאָס דיא צאָהל פאלאנסטערען, וואָס וועלען ווען עס איז באדעקען דיא ערד, וועט זיין פונקט צוויי מיליאָן.

פוריע האָט ניט דערלעבט צו זעהן איין איינציגע פאלאנסטערע געבויט נאָך זיין פּלאַן. א שטיקעל פערזוך איז יא געמאַכט געוואָרען אין פראנקרייך אין 1837 א קורצע צייט פאר זיין טויט, אָבער דער פערזוך איז געווען זעהר

ניט א גרעאַטענער, און דעם דיינקער האט ער באין אופן ניט צופרידענגעשטעלט.

אין אמעריקא האט פאר דער פוריעריסטי־שער טעאָריע געוואונען דער ערשטער אגיטאַטאָר אלבערט בריסביין (1809—1890), א מענש מיט א טיעפען וויסען און א ברייטער אייראָפּעאי־שער בילדונג. אין 1840 איז ארויס זיינס א בוך, וואו ער מאכט בעקאנט דעם אמעריקא־נער עולם מיט פוריע׳ס סאָציאַלער רעפאָרם. דאָס איז געווען א צייט, ווען מען האט געגארט נאָך עפּעס נייעס, נאָך אזוינס, וואָס זאָל זעט־טיגען דיא נשמה מיט מוטה און האָפנונגען. דערשלאָגען איז מען געווען: פון איין זייט דער נאָר וואָס מיט גרויס מאטערנים איבער־געלעבטער עקאָנאָמישער קריזיס, פון דער אנ־דערער זייט דיא כוואליע פון רעליגיעזער משוגעת, וואָס האט זיך א פּאָר יאָהר פאר דעם דורכגעטראָגען איבער׳ן לאנד, קיין איין הארץ ניט בערוהיגט און נאָר פערנאנדערגעבלאָזען נאָך מעהר דעם דורשט נאָך גליק, נאָך נחת הרוח. און דיא שעהן איינגעפאסטע ברית חדשה פון פראנצויזישען אוטאָפּיסט האט קיין בע־סערען באָדען ניט גענראפט האָבען פאר איהר אויפבליהען אין דער נייער לופט. אין 1842 האט שוין בריסביין פאר זיך א גאנצען קאָלום אין דער טעגליכער „ניו יאָרק טריביון“, וואו עס ווערט אגיטירט פאר דיא פאלאנסטערען, און אין 1843 גיט ער ארויס א מאָנאטליכען פוריעריסטישען זשורנאל.

צו בריסביין זיינען צוגעשטאנען דיא אין יענער צייט גלענצענדסטע פערטרעטער פון דער ליטעראַרישער וועלט: גרילי, רעדאַקטאָר פון „טריביון“, גודווין, רעדאקטאָר פון „איוונינג פּאָוסט“, טשארלז דאנא, רעדאקטאָר פון „סאָן“, קוירטיס, רעדאקטאָר פון „הארפּער׳ס וויקלי“, האָטהאָרן, דער בעריהמטער נאָוועליסט און א סך אנדערע. א חוץ דער אגיטאַציאָן אין דער פּרעסע האט מען פערשפּרייט דיא נייע אי־דעען דורך לעקטשורס און ספּעציעלע ליטע־ראַטור.

פאלאנסטערען האָבען זיך אָנגעפאנגען צו בעווייזען דאָ דאָ, דאָ דאָרטען, אָבער זיי האָבען געהאט דעם זעלבען מזל וויא דיא אָועניסטישע קאָמונעס. און דער סוף איז געווען, אז אין דיא פופציגער יאָהרען געפינען מיר שוין מעהר ניט קיין איינציגע פוריעריסטישע קאָלאָניע.

דיא צרה איז בעשטאנען הויפּטזעכליך אין דעם, וואָס דיא מיטגלידער אזוי וויא אין דער „נייער הארמאָניע“ זיינען ס׳רוב ניט געווען גאָר מסוגל צום נייעם סאָרט לעבען. שטאָדטיגע אידעאַליסטען און באנק קוועטשער, וואָס האָ־בען זיי געוואוסט, וויא מען דארף פערזייען בול־בעס אָדער מעלקען קיה אָדער פּאשען חזירים?

איינע א גרופּע, למשל, וואָס האט זיך געקליבען אויפצובויען א פאלאנסטערע, האט געשיקט קויפען דיא ערד א קאָמיטע פון דריי גרויסאַר־טיגע מבינים: א מאלער פון לאנדשאַפטען, א קופּערשמיד און א האָמעאָפּאַטישען דאָקטאָר. פערשטעהט זיך, האָבען זיי אויסגעהאנדעלט אזא מציאה, דאָס אין 1½ יאָהר ארום איז מען פון דער קאָלאָניע קוים מיט׳ן לעבען ארויס.

צוויי פוריעריסטישע קאָמונעס קענען פון דעסטוועגען גערעכענט ווערען פאר מעהר אָדער וויינינגער ערפאָלגרייכע. דאָס איז דיא „ברוק פארם“ און דיא „נאָרטה אמעריקאן פאלאנקס“. ברוק פארם איז געווען איבערהויפּט אַן אויס־נאָהם פון אלע קאָמוניסטישע קאָלאָניען, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין אמעריקא. דאָ האָבען זיך צונויפגעקליבען דיא פעהיגסטע און עדעלסטע אָנהענגער פון דער פוריעריסטישער לעהרע, אידעאַליסטען, ענטהוזיאסטען, מיט לייב און לעבען איבערגעגעבענע אלע סאָציאלע, פּאָליטישע און רעליגיעזע רעפאָרמען, פאר וועלכע מען האט געשטריטען אין יענער צייט. אָבער וויא געוויינליך האט די קאָלאָניע געהאט נאָר וואָס מען רופט א מאָראַלישען ערפאָלג. די געשעפּטליכע זייט האט שטאַרק געליטען. און ווען עס האט אָבגעברענט אין 1846 דער הויפּט בנין, איז דיא קאָלאָניע אין גאנצען געגאנגען צום גרונד.

דיא „נאָרטה אמעריקאן פאלאנקס“, אָר־גאניזירט אין 1843, האט געלעבט גאנצע 13 יאָהר. פינאנציעל איז דיא קאָלאָניע וואָס פון יאָהר געוואקסען און געקוואָלען. אין 1843 האט דאָס אייגענטהום בעטראָפען 8000 דאָל., אין 1844 — 28 טויזענד, און אין 1852 — 80 טויזענד. אָבער וואָס טויטער עס איז געוואָרען אין לאנד דיא פוריעריסטישע בעוועגונג בכלל, איז דיא קאָלאָניע אלץ מעהר געפאלען. דער ענטהוזיאזמוס, וואָס האט בעלעבט דיא פּאַ־לאנסטערע אין דיא ערשטע יאָהרען, איז אויס־געלאָשען געוואָרען, און דיא מיטגליעדער האט שוין קיין שום זאך ניט געקענט אויפהאלטען אין איינעם, אין אַן איינגען, הארמאָנישען צו־זאמענלעבען. צו דיא צרות האט אין 1854 אָב־געברענט דיא מיהל, וואָס האט געקאָסט 12 טויזענד דאָל., און דער היזק האט דער׳הרג׳עט דיא לעצטע פון דיא פוריעריסטישע קאָלאָניען אין אמעריקא.

וויא פיעל פאלאנסטערען עס זיינען געווען אָרגאניזירט, ווייס מען ניט גענוי. פּראָפעסאָר בוש, גיט אַן דיא צאָהל פון 27. מעקדאָנאלד, דער ערשטער היסטאָריקער פון דיא היגע קאָ־מוניסטישע קאָלאָניען, רעכענט אויס ניט וויי־ניגער פון 41. א סך זיינען, פערשטעהט זיך, אויפגעגאנגען און אונטערגעגאנגען, און דיא

וועלט האָט קיין מאָל גאָר ניט געוואוסט פון זיי. אין פראַנקרייך, דאַרף מען ניט פערגעסען, איז פאַר דער גאַנצער צייט געמאַכט געוואָרען נאָר צוויי מאָל דער פערזוך אויפצובויען אַ פאַלאַנ־סטערע, און ביידע מאָל האָט דאָס געטויגט אויף כפרות.

דיא איקאַריאַנישע גרופע. דאָס גרונד־פּרינציפּ פון זיין קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן האָט עטיען קאַבע גענומען ביי זיין בעריהמטען לאַנדסמאַן זשאַן זשאַק רוסאָ. מענשען זיינען ברידער, פעראייניגט אין איין געזינד. נו, דאַר־פען זיי האָבען פּריוואַט אייגענטהום, וואָס דאָס איז דאָך דער עיקר פון אַלע סאָציאַלע פּלאָגע־ניסען? און צו בעווייזען דער וועלט, וואָס פאַר אַ גליקליכע צייט עס וועט הערשען, ווען פּרי־וואַט אייגענטום וועט אַבגעשאַפט ווערען, האָט קאַבע אָנגעשריבען זיין ראָמאַן „דיא רייזע נאָך איקאַריען“ (1840). דער ראָמאַן איז דערביי אויך קאַבע'ס „קאָמוניסטישער מאַניפעסט“, די ברית חדשה פון דער שפּאָגעל נייער אוטאָפּיס־טישער בעוועגונג.

דאָס לאַנד איקאַריען איז אַ גן עדן התחתון. אין יעדער קליינינקייט פון לעבען זיינען שטריינג דורכגעפיהרט דיא פּרינציפּען פון גלייכהייט און ברידערליכקייט. דיא מדינה איז צוטהיילט אין 100 גלייכע פּראָווינצען, יעדע פּראָווינץ — אין 10 גלייכע קהלות. דיא הויפּט־שטאָדט פון יעדער פּראָווינץ ליעגט פּונקט אין מיטען פון דער פּראָווינץ. פון פּריוואַט אייגענ־טהום איז קיין זכר ניטאָ. אַלץ געהערט צום פאָלק. דיא פערוואַלטונג איז אין דיא הענד פון אויסגעקליבענע משגיחים, וועלכע טהוען דעם פאָלק'ס ווילען. דיא געמיינדע גופא בויט ווערקשטאַטען און קליטען, אָרגאַניזירט דיא אינדוסטריעלע בעשעפטיגונגען, בעזאָרגט איט־ליכען בירגער מיט עסען, מיט דירה, מיט מע־בעל. אַרבייטען מוזען אַלע, פון מיוחסים וויל דאָס לאַנד ניט וויסען. ערוואַקסענע אַרבייטען 6—7 שעה אַ טאָג. דיא מלאכה קלייבט זיך יעדערער אויס נאָך זיינע פעהיגקייטען, אָבער ביי דער מלאכה מוז ער שוין פערבלייבען ביז'ן ענד לעבען. דיא אַרבייט איז לייכט, אָנגענעהם. דיא שווערסטע און דיא שמוציגסטע מלאכות ווערען געטאָן פון מאַשינען (פוריע, וויא בע־קאַנט, האָט פאַר דעם מין אַרבייט בעשטימט קינדער פון 10—12 יאָהר אַלט, ווייל אין יאָהרען האָבען קינדער אַליין ליעב צו גראָבען זיך אין דיא מיסטקאַסטענס). דאָס גאַנצע לע־בען פון'ם בירגער איז רעגולירט דורך דעם גע־זעץ, און איבערטרעטען דאָס געזעץ פון גליקלי־כען לאַנד, — אימשטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ משוגענער וועט דאָס געהן טהאָן? חתונה האָט מען אין דער צייט, און אַ ניט־פערהיי־ראַטהען מענשען איז פאַר אַ רפואה ניט צו געפינען. דיא רעליגיאָן איז אַ ריינער דעאיזמוס, ד. ה. עס ווערט אָנערקענט אַ גאָט, אַלס דיא ערשטע אורזאַכע פון דער גאַנצער עקזיסטירענ־דער וועלט. אָבער קרבנות, תפלות און אַנדערע רעליגיעזע צערעמאָניען — פון דאָס האַלט מען ניט. דיא פּרעסע האָט איבער זיך אַ שטריינגע צענזור, און מען פערשטעהט דעם שכל דערפון: וויא באַלד אַז דיא רעגיערונג דריקט אויס ניט מעהר וויא דעם פאָלק'ס ווילען, טאָ ווי קאָן מען לאָזען אין דער אמת'ען אַ שרייבערל דאַר־טען קריטיקירען דעם פאָלק'ס ווילען? דיא מאַכט פון דיא פאָלקס־פערטרעטער איז אונבע־גרענצט. דיא מאַיאָריטעט הערשט, און וואָס זיא זאָגט, איז געזאָגט, ניט נאָר אין סאָציאַלע און פּאָליטישע פראַגען, אפילו בנוגע קונסט און ווי־סענשאַפט. דיא קינדער ווערען ערצויגען אין קהל'שע אַנשטאַלטען. אַ מיידעל ביז 17 יאָהר און אַ בחור ביז 18 לערנען זיך אין עלעמענטאַר שולען און דערנאָך אַ פּאָר יאָהר אין ספּעציעלע. פון גנבה און גזלה הערט זיך ניט, ווייל קיינער וויים ניט פון צורת מטבע.

אַ מאָל איז איקאַריען געווען גראד אַזאַ'ן עמק הבכא, וויא דיא אייראָפּעאישע לענדער. ביז וואַנען עס איז געקומען משיח, איקאַר מיט'ן נאָמען, דער זוהן פון אַן איינפאַכען אַרבייטער. ער שטירצט דיא קאַפּיטאַליסטישע רעגיערונג, שאַפט אָפּ פּריוואַט אייגענטהום, פיהרט איין דעם איקאַריאַנישען קאָמוניזם, און — מען איז בעגליקט לדורי דורות.

„דיא רייזע נאָך איקאַריען“ איז אויפ־גענומען געוואָרען מיט דער פייערדיגסטער בע־גייסטערונג פון דער פּראָלעטאַרישער מאַסע, וואָס האָט נאָך ניט פערגעסען דיא וואונדען פון דער רעוואָלוציאָן פון 1830. דאָס בוך האָט מען צוכאַפּט וויא מצה־וואַסער. איבער'ן לאַנד האָ־בען זיך געגרינדעט „איקאַריאַנישע קורסען“, וואו מען האָט געלערנט און גע'פשט'עלט קאַ־בע'ס תורה. חסידים זיינען געוואַקסען פון טאָג. שונאים האָבען זיך גענומען וויא געוויינליך פאַר פערפאָלגונגען און פערליימדונגען. קיין חידוש ניט, וואָס עס איז געבאָרען געוואָרען דער געדאַנק אויסצוואַנדערן פון פראַנקרייך און ערגעץ אַנדערש וואו גרינדען אַ קאָמוניס־טישע געזעלשאַפט, אַן „איקאַריען.“

דער געשריי „לאָמיר געהן קיין איקאַריען!“ האָט אָבגעהילכט צום ערשטען מאָל אין 1847, דעם 9טען מאַי, אין קאַבע'ס צייטונג „פּאָפּו־לעיר.“ אין יאַנואַר 1848 האָט שוין קאַבע גע־קויפט פון אַ געוויסער פירמע אין סינסינעטי העכער פון אַ מיליאָן אַקר לאַנד ביים רעי רי־ווער אין טעקסאַס, און דעם 3טען פעברואַר איז אָבגעפאָהרען קיין אַמעריקא דיא אוואַנ־

גארה — 69 מענער. ביז'ן 16טען דעצעמבער האבען פערלאזען פראנקרייך 485 איקאריער, מענער, פרויען און קינדער, און צווישען זיי, איינער פון דיא לעצטע, קאבע אליין.

עס איז גאר ניט צו בעשרייבען דיא יסורים, וואס דיא וואנגארד האט אויסגעליטען, סיי אין וועג, סיי אויפ'ן ארט, ווער עס איז געשטארבען פון הונגער, פון מאלאריא, פון דער שווערער ארבייט, ווער עס איז פון דחקות און עגמת נפש משוגע געווארען. דיא פירמע אין סינסינעטי, וואס האט פערקויפט די ערד, האט פשוט בעשווינדעלט דעם ניט־פראקטישען משיח'ן. דיא מיליאן אקר איז געווען אן איינפאכער בלאף פון דיא אמעריקאנער לאנד־אגענטען. מעהר וויא 10 טויזענד אקר האט מען ניט געקראגען, און צו דיא צרות איז דיא קאלאניע געווען אבגעטהיילט פון דעם ריווער דורך א מדבר, 250 מייל דיא לייננ.

מען האט זיך געפלאגט אין „איקאריען" אונגעפעהר א האלב יאהר, מען איז זיך צולאפען. געריכט האט מען זיך, אז פון פראנקרייך וועלען ביי דער צייט אנקומען הונדערטער טויזענדער איקאריאנער, אבער פון'ם בטחון האט זיך אויסגעלאזען א נעכטיגער טאג. דיא פעברואר רעוואלוציאן האט דערוייל פערנוצט דעם גאנצען פולווער אין דער לופט, דאס פראלעטאריאט האט זיך בערוהיגט אין דער האפנונג, אז דיא נייע רעפובליקאנישע רעגיערונג וועט איהם געבען, דאס וואס עס קומט איהם על פי יושר, און דער ענטוזיאזמוס פאר קאמוניסטישע קאלאניען מחוץ לארץ, מעבר לים, האט זיך אין גאנצען אויסגעלאשען.

קאבע מיט א היפעל אנהענגער האט אבגעקויפט א שטיק לאנד ביי דיא מארמאנען אין נאוואא (אילינאי) און מען האט גענומען בעל־הבית'עווען אויפ'ן גאקאריאנישען פלאן. דער פלאן האט זיך איינגעגעבען, און א געוויסע צייט איז דיא קאלאניע ווערטה געווען 75 טויזענד. אין 1850 הויבען זיך אבער אן מחלוקות. עס וואקסט אויס א פארטיי, וואס גלויבט מעהר ניט אין קאבע, אלס גייסטיגער פיהרער. דיא מחלוקות ווערען שארפער פון יאהר צו יאהר, און אין 1856 בעשליעסט מען ענדליך מיט א רוב דעות ארויסצוטרייבען פון איקאריען דעם גואל צדק. קאבע איז אוועק קיין סט. לואיס מיט 180 חסידים, און אין א וואך ארום איז ער דארטען געשטארבען.

דיא סכסוכים און מחלוקת'ן האבען געהאלטען אין איין צורייסען דיא מיטגליעדער פון דיא איקאריאנישע קאלאניען, און נאך יעדען סכסוך איז אויסגעוואקסען ערגיץ א נייער גן עדן התחתון, א נייעס איקאריען. פון דעסטוועגען איז דיא בעוועגונג ניט אבגעשטארבען אין דעם משך פון 47 יאהר. דיא לעצטע קאלאניע אין סטייט אייאווא איז אויסגעגאנגען פון סוכאטע אין 1895, נאכדעם וויא זיא האט דורכגעמאכט א שטורעמדיגע עקזיסטענץ זייט 1852. אזוי לאנג האט זיך יעדענפאלס נאך ניט „אבגעמורטשעט" קיין איינציגע ניט רעליגיעזע קאמוניסטישע קאלאניע.

(שלום קומענדיגען חודש).

אויפ'ן נעמאן

פון י. י. שווארץ.

(געווידמענט מיינע יוגענד חברים און חבר'טעס).

ס'איז דאָ אויפ'ן נעמאן, אין ליטא
א שטעדטיל א קליינע ביי'ם ברעג:
א פּאָר צעהנדליג הילצערנע הייזליך,
א שוהלכל א קליינס — און א־נ־עק.
אָט דאָרט אין דאָס שטעדטעלע האָב איך
דיא יאָהרען די בעסטע פערבראכט;
דאָרט האָב איך די אויגען געעפענט,
געזונגען, געשטיפט און געלאכט.
אָט דאָרט איז פערפלויגען מיין קינדהייט,
פערשוואונדען געוואָרען, פארביי
אזוי וויא א חלום א זיסער,
אזוי וויא דער ליכטיגער מאי.
און אלע זכרונות פון קינדהייט
זיי פלעכטען אין נעמאן זיך איין
א'ן לעבען אין טרויריגעס הארצען
מיט עפּעס א כשופ'דיג שיין,
און קלינגען אין הארץ ווי א סטרונע
און ס'גליהט א געפיהל טיעף און גליהט...
און בעט זיך אויסגיסען מיט ווערטער
אין טרויריגעס, קלינגענדעס ליעד!

... ס'איז ווינטער, די ערד איז פערשאָטען
אין שנעען פערהילט און פערדעקט;
דאן שטעהט טיעף דער נעמאן פערגליווערט
אין פרעס ווייסע קלייד אונבעפלעקט.
און ס'שפריצען אָב טויזענדער שטראהלען
און שיסען אזוי פון א קוואל;
איין שטראהל פלעכט זיך איין אין א צווייטען
איין שטראהל שלאָגט זיך אָן אָן א שטראהל.
און ווייט פלעגט דער טייך זיך צוווארפען
אין העל־בלויעם צויבערנעם גלאַנץ;
דער הימעל טונקט אָב אין דעם אייז זיך,
די שטראהלען זיי געהען א טאנץ!
און ס'שטעהט זיך דער וואלד ווי א זיידע,
א זיידע א־נ־אלטער גרייז־גרוי
פערהילט גאָר אין גאנצען אין ווייסען,
בעדעקט מיט אַ אייזיגען טוי.
דאָרט פלעגען מיר יונגליך פון חדר
זיך קומען דערלאנגען א גליץ
אין פרייע מינוטען, פערגעסענד
דעם חדר, דעם רבי'ן, די שמיץ.
און ס'מאליעט דער פראָסט און ער פלאקערט
און שטעכט ווי מיט נאָדלען די הויט;
עס פינקלען די אויגליך מיט פייער,
עס גליהען די בעקליך פלאם רויט.
און ס'פלעגען די קינדערשע קולכליך
צושטערען די שטילקייט ארום
און קלינגען ווי זילבערנע גלעקליך,
און פילדערען, מאכען א שום!
און ס'גליצען זיך קינדער און פליהען
ווייט אויף דעם קריסטאַלענעם אייז
און יאָגען זיך, דרעהען זיך קונציג —
די וועלט ליגט ארום שטיל און ווייס.
נור עמיץ פון אונז פאלט אנידער —
ער כאפּט אָן דעם צווייטען און פאלט,
דער צווייטער פערטשעפּעט א דריטען —
און ס'קלינגט דאָרט, און ס'רעש'ט דאָרט, און שאלט!

און לעבעדיג ווערט אויפ'ן נעמאן,
און לוסטיג און ליעב אויפ'ן גליץ —
עס הערט זיך א פרעהליך געלעכטער,
אַ מוטהיגער ראנגלען, אַ קוויץ.
און קליינינקע הענדטעליך קנעטען
פלינק קוילען פון זילבערנעם שנעע...
עס פליהען די קוילען און פליהען —
עס ווארפען די יונגליך מיט זיי!
און שטיל ליגט דער נעמאן אנטשוויגען
און גלאנצט זיך, און פינקעלט, און קוועלט..
דער וואלד שטעהט אנטקעגען און שוויגט זיך,
אנטשוויגען ארום שטעהט דיא וועלט!

ס׳איז זומער פארנאכט אין דעם חדר,
אין חדר איז שטיקענד און היים;
עס פלאקערט דער פנים מיט פייער,
עס טריפט פון די באקען א שווייס.
מי זיצט און מי ווארט אויף די רגע
ארויס פון דעם חדר צו געהן —
מי לויפט גלייך אראב צו דעם נעמאן
וואו ס׳וואסער פליסט לויטער און ריין.
און ס׳טובל׳ט די זון זיך אין וואסער,
און פלאקערט, און גליהט דארט און ברענט.
מיר פלעגען זיך ווארפען אין וואסער
און פאטשען מיט פיס און מיט הענד!
און ס׳הערט זיך א קינדערש געלעכטער
א רעש און א קלאנג, א געשריי —
אראב איז די מורא פון רבי׳ן,
עס פיהלט זיך דא לוסטיג און פריי!
און ס׳צאפלען זיך קינדער ווי פישליך
און שווימען אום הין און צוריק;
און ס׳לויכטען די יונגע געזיכטער
פול לעבען און כח און גליק.
און היימליכער ווערט אלץ וואס ווייטער —
אראב איז דער טאגליכער היץ,
ס׳יאגט איין קינד דעם צווייטען אין וואסער,
ס׳גיט איין קינד דעם צווייטען א שפריץ!
און ס׳פליהען די טראפענס און פאלען
צוריק אויפ׳ן וואסער מיט גלאנץ;
און ס׳רוישט דארט, און ס׳קלינגט דארט!
— עס טאנצען
די טראפענס א וואונדערבאר טאנץ!
און נידעריגער ווערט אלץ די זון מעהר
און דונקלער ווערט אויפ׳ן טייך —
עס וועהט אויף די ברעגעס מיט פרישקייט
און גרין איז די ברעגעס און רייך.
און ס׳גלאנצען די אויגליך און בלאנקען
און ס׳קאפענען טראפענס פון האר; —
דער הימעל בעוועגט זיך אין וואסער,
דאס וואסער פליסט דורכזיכטיג-קלאר.
און דונקעלער ווערט מעהר דער הימעל,
און דונקעל דער הימלישער זוים —
מיר קלייבען זיך אן און מיר לויפען
מיט פרעהליכע ליעדער אהיים!

אים זומער פערפוצט זיך דער נעמאן
מיט בוימעליך גרינע און גראז;
און ס׳פינקעלען אנטקעגען די שטראהלען
פון גאלדענע זון העל און ראז.
און ס׳ליגען און ציהען זיך פעלדער
בעוואקסען מיט בלומען ארום;
איין בלום פלעכט זיך איין אין דעם צווייטען,
איין בלום וואקסט ארויף אויף א בלום.
און ווייסינקע, בלאהינקע בלימליך
בעדעקען די העל-גרינע פעלד;
און ס׳דאכט זיך: א גארטען מיט בלומען
איז גאטעס ליעבהארציגע וועלט!
און בלאנדיקע, שווארצינקע קעפעליך
קוקען ארויס פון דעם גראז;
עס קוקען מילד שטראהלענדע אויגעליך,
בעקעליך פלאקערען ראז.
זיי רייסען דיא שמעקענדע בלומען
און פלעכטען פון זיי פלינק א קראנץ —
און אלץ איז בעשאטען מיט בלומען,
און אלץ איז בעגאסען מיט גלאנץ!
און באבאטשקעס פליהען אין גראז אום
און פויגעליך קלינגען א ליעד...
בלוי זיינען די לויטערע הימלען,
און ס׳שיט די זון שטראהלען און שיט!

...עס פליהען די יאהרען און פליהען
און ווערען פארשוואונדען אין תהום;
עס גיסט זיך דער נעמאן און גיסט זיך
און ס׳טראגט זיך א שטראם נאך א שטראם.
עס קלינגען און קלינגען די חוואליעס
און ריידען, דערצעהלען גאנץ שטיל
פון קינדהייט וואס איז שוין פערשוואונדען,
פון קינדערשען גליק און געפיהל.
עס קלינגען און קלינגען די חוואליעס
און ריידען, דערצעהלען גאנץ שטיל
פון יוגענד וואס איז אנגעקומען,
פון הארציגעס-ליעבעס געפיהל!

... עס שטעהט אויפ׳ן ברעג פון דעם נעמאן
א־נ־אלטער, א טרוימענדער וואלד;
עס פליהען און שוועבען דארט פויגלען —
און ס׳קלינגט דארט, און זינגט דארט און,
שאלט!
עס שטעהען די סאסענס די הויכע
צושטעלט דארט אויף בארג און אין טהאל;
עס ציהט זיך פון ווייטען דער נעמאן
און פינקעלט און שפיעלט ווי קריסטאל.
און ס׳טראגען זיך ריחות פון בשמים
פערפלייצען די וועלט מיט א שטראם;
עס שמעקט דארט מיט פאזימקעס רויטע,
מיט פייכטליכען ריח פון שוואם;
און ס׳טריפען מיט גאלדענע טראפענס
סאסנעס און גיסען מיט דופט;
און וויגען זיך צערטליך, פאמעליך,
און קיהלען, דערפרישען די לופט.
און ס׳טאנצען דארט גאלדענע שטראהלען
און פינקלען און שיטען זיך מילד
צורייסען די דעקע די גרינע
און ברעקלען זיך, שפילען זיך ווילד.
און ס׳שיינט דארט ארויס דורך די צווייגען
א הימעל טיעף-בלוי הויך און ריין —
אהין, אין דעם וואלד, אין דעם גרינעם
דארט פלעגען מיר קומען צוגעהן.

און ס׳פלאטערן שיילעכליך ווייסע
און ווינקען ווי ליעב און ווי טריי
צווישען די דונקעלע צווייגען —
עס קלאפט דאָס הארץ מוטהיג און פריי!
און לערמאנטאוו׳ס ליעדער און נאדסאָנ׳ס
פערקלינגען, פערהילכען די לופט
און קייקלען זיך איבער׳ן וואלד ווייט
און מישען זיך אוים מיט׳ן דופט.
און ס׳טראָגט זיך אלץ ווייטער און ווייטער
דער אומעדיג־היימליך געזאנג
און ס׳ענטפערט דער וואלד אב דער אלטער,
און רוישט מיט א כשופ׳דיג קלאנג.
אָט זעהט זיך א פעלד דאָרט פון ווייטען
וואו פאזימקעס גליהען מיט גלוט —
מיר לויפען מיט אימפעט צום פעלד צו
און ווארפען אויף איהם זיך מיט וואוטה.
מיר ווארפען זיך אלע צוזאמען
און פלאָנטערען אלע זיך איין —
עס גרינט די ערד צערטליך פון אונטען,
דער הימעל בעגיסט אלץ מיט שיין.
און ס׳ווערט א געלאַך, א געפילדער
א קאָפּ שלאָגט זיך אָן אן א קאָפּ;
עס דריקט זיך צו דיר צו א קערפּער,
עס פלעכט זיך ארום דיר א צאָפּ;
און ס׳קוקען אויף דיר שווארצע אויגליך
און גלעטען דיר, גליהען מיט גלוט —
און ס׳גיסט זיך אריין טיעף אין הארצען
א גאנצער שטראם כח און מוט!
און גוט מאָדנע ווערט אויפ׳ן הארצען
און ליכטיג, און ווארעם, און היים —
עס צינדען זיך אָן דיר די אויגליך,
עס גליהט אויף א בעקל — א רויז!
דו כאפּסט שטיל א האנד אָן א צארטע
און דריקסט איהר מיט כח צום מויל;
ז י מאכט זיך ווי כלומר׳שט ברוגז
און ווערט רויט, אין כעס — ס׳איז א גרויל!
נור אָט איז פארביי שוין דער רוגז —
עס עפענט א מיילכעל זיך פריש
און סקלינגט אויף א זילבער־געלעכטער,
און קלינגט אזוי ליעב, אזוי זיס!
בעמערקסט ניט, פערקריכסט אין די קוסטעס
וואו אלץ איז בעוואקסען געדיכט;
דו שטעהסט לעבען א י ה ר ווי פער׳כשופט
פערשלונגען אין שאָטענס און ליכט!
און ווייט־ווייט ווייזט דורך דורך די גרינסען
א צווייטע א יונגינקע פּאָר;
דאָרט גליהען אויך אויגליך מיט פייער,
דאָרט גלאנצען אויך זיידענע האָר.
און ס׳קלינגט זיס א קוס דורך די צווייגען
בעהאלטען און צנועה׳דיג שטיל;
און זיס ציהט זיך דורך דורכ׳ן הארצען
א הייליגער, זאנפטער געפיהל.
און ס׳סוד׳ען זיך זיס יונגע קול׳כליך,
און ס׳וויגט זיך גאנץ שטיל צו א בוים —
דאָס אלעס פערוויגט די נשמה
אין ליכטיגען, גאָלדענעם טרוים.
און ס׳שיטען זיך גאָלדענע שטראהלען,
און פויגעליך זינגען נור צו —
און אלץ ווערט פערהילט אין א שטילקייט,
און אלץ ווערט אנטשוויגען אין רוה.
און ס׳ציהט זיך פון ווייטען דער נעמאן
אזוי ווי א ליכטיגער שנור —
עס חלום׳ט א ליכטיגען חלום
די ליעבע, די זיסע נאטור!

ס׳איז דאָ אויפ׳ן נעמאן א אינזעל
און פריש איז דער אינזעל און גרין;
און זומער־צייט אבענד דאָרט פלעגען
מיר קומען צושווימען אהין.
און רויט איז דער מערב־זייט הימעל
און פלאקערט מיט העלישען גלוט
און ס׳פלעכט זיך איין וואָלקען אין צווייטען
און גיסען אין נעמאן מיט בלוט.
און ס׳שטעהט דאן די וועלט ווי בעצויבערט
אנטשוויגען, פער׳חלום׳ט און שטום;
עס שטעהט דער וואלד רוהיג און חלומ׳ט,
די גאנצע נאטור טרוימט ארום.
און שטיל איז אויך דאָרט אויפ׳ן אינזעל
עס שטעהען די בוימליך פערטראכט
און אלץ ווערט פערהילט און פערוויקעלט
אין ווארעמע, טרוימענדע נאכט.
עס שמעקט מיט רעזערע און ליליען,
עס וועהט מיט געשניטענע היי
און טיעפער אלץ ווערען די הימלען,
עס פינקלען שוין שטערען אויף זיי.
עס טראָגט זיך א קוואקען פון שזאבעס,
א פויגעל זינגט טרוימעריש־ווייך
און ווייט אויף דיא פעלדער הויבט אויף זיך
א טוי ווי א מילך־ווייסער רויך,
עס ציהען זיך בערגליך אין ווייטקייט
עס ציהט זיך דער וואלד ווי א שנור —
עס לעבט, דאכט זיך, טיעף און בעוועגט זיך
די רייכע און שעהנע נאטור.
מיר ווילען דעם חלום ניט שטערען,
מיר שטעהען פער׳כשופ׳ט און שטיל;
פון ערגעץ וואו וועהט דורך א ווינטעל
און פאָכעט מיט בשמים און קיהל.
נור פלוצלונג הויבט אויף זיך א פויגעל
און פאטשט מיט די פליעגלען זיך אוים
און ס׳ענטפערט איהר אָב באלד א צווייטע—
און ס׳לעבט אויף דער אינזעל מיט רויש.
פון עמיצען רייסט זיך ארוים יעצט
א פריידען געשריי טיעף פון ברוסט
און ס׳קלינגט אויף דער אינזעל מיט קלאנגען
פון לעבען און כח און לוסט!
און סקלינגען דאָרט יונג־פרישע קול׳כליך

און פאלען און שאלען מיט מאכט
און באלד ווערט צוריסען די שטילקייט,
די כשוף'דיג שטילקייט פון נאכט.
און ס'ברעכען זיך האסטיג דאָרט צווייגען
פון אונטער פלינק־איילענדע טריט —
דערוויילע געהט אויף די לבנה
און שיט זילבער־שטראהלען און שיט.
עס ווייזט זיך דאָרט דורך־דורך די צווייגען
א פרעס־ווייסע מיידעלשע קלייד,
באלד ווערט זי פערשוואונדען אין שאטען—
פון דאָרט קלינגט א קול'כעל פול פרייד...
און ס'קוקט אויף דיר ליעבליך א אויגעל
און רופט דיר, און ציהט דיר און ווינקט—
די נאכטיגאל צווישען די צווייגען
זי קלינגט און צוגיסט זיך און קלינגט.
און ס'פינקלען אזוי ווי בריליאנטען
די טראָפענס פון טוי אויפ'ן גראָז
און ס'שיטען זיך, פאלען פון בוימער
בריליאנטענע טראָפענס אַהן מאָס.
מיר שטעהען אנטשווינגען פער'הלומ'ט
ז י דריקט זיך אַהן ווערטער צו מיר —
עס שמעקט מיט רעזעדע און ליליען
און שטערענדלאך פינקלען אַהן שיער...
נור עמיץ דערמאָנט זיך, און פלוצלונג
צושטערט ער דעם כשוף'דיג'ן טרוים:
ס'איז שפעט, ליבע קינדער, ס'איז צייט שוין,
ס'איז צייט שוין צו פאָהרען אהיים!
און ס'ווערט א געלאף צו די שיפעל,
א טומעל, געפילדער, א רויש.
מי שטופט זיך, מי רייסט זיך, מי ווארפט זיך,
מי זעצט אויף די ערטער זיך אוים!
און ס'שווימט זיך פאמעליך די שיפעל
און טראָגט זיך אראָב מיט'ן שטראָם
און ס'שווייגען טיעף וואסער און הימעל —
א תהום טונקט זיך אָב אין א תהום.
און ס'טונקען זיך צווייגליך אין וואסער
און הויבען פון וואסער זיך אויף
און שפריצען מיט בריזגעס ווי פערל
אויף פנים'ער ליעבע ארויף.
און ס'ווערט א געשריי, א געלעכטער —
נור עמיץ זינגט אוים זיך א ליעד —
און ס'שווימט זיך די שיפעל אלץ ווייטער,
די לבנה שיט שטראהלען און שיט.
און שטיל ווערט אין שיפעל דער טומעל,
ס'קלינגט אויף הויך א צויבער געזאנג
און פראכטפאָל צוגיסט זיך און מעכטיג
א איידעלער זילבערנער קלאנג.
פון ערגעץ א ווינקעל פון שיפעל
קוקט אָן דיר א אויגעל און גליהט....
די לבנה שווימט רוהיג אין הימעל,
די נאכטיגאל קלינגט זיך איהר ליעד!

אזוי איז מיין קינדהייט פערפלויגען
אין ליעבע און פריעדען און גליק;
אזוי איז מיין יוגענד פארביי מיר
אזוי וויא א צויבער מוזיק.
און צוואנציג מאָל האָט דאָרט דער ווינטער
דעם נעמאן פערשמיעדט און געטוידט;
און צוואנציג מאָל האָט דאָרט דער זומער
דעם נעמאן פון תפיסה בעפרייט.
און איך בין געוואָרען פערטראָגען,
פערשלעפט פון מיין טייך אין דער פרעמד;
נור ס'בייינקט מיר מיין הארץ און עס בלוטיגט
און בייינקט שטיל און קלעמט מיר און קלעמט.
און כ'קאָן זיך קיינמאָל ניט פערגעסען
דעם הייליגען, טהייערען בילד:
מיין יוגענד פערפלאָכטען אין בלומען,
די ערטער וואו כ'האָב זיך געשפיעלט;
די שווארצע, די טהייערע אויגליך,
דער נעמאן, דער וואלד, דער שפאציר —
אלץ, אלץ איז פערקריצט אין מיין הארצען
אויף אייביג, אויף אייביג ביי מיר!

ניו יאָרק.

דיא ערשטע גנבה

(סקיצע.)

פון ש. אדלער.

א שווארץ יאהר אויף דעם פּיסק אויף זייערען! — האט א מורקע געטהון דער קליינער קאפּעל אונטער דער נאז און איז ארויס געגאנגען פון „פאנפאטש'ס" שיינק אויף'ן גאס ארויס.

—זיי וועלען היינט צוזעצט ווערען עסענדיג, — האט ער ווייטער געמורמעלט, שטעהענדיג אין דרויסען, ביי דער טהיר פון שיינק.

עס איז געוועזען א נאסער, קאלטער הערבסט טאג. א דראבנער רעגענדיל האט אהן אויפהער נעגאסען און געגאסען. דער הימעל איז געוועזען גראה און זיך אליץ נידריגער און טיעפער אראב געלאזען איבער די דעכער פון דיא קליינע איינגעקנייטשטע הייזלאך און עס האט זיך געדאכט: אט־אט ווערט די וועלט צודריקט, אונטער דער שווערער לאסט פון דיא אנגערוקטע חמארעס...

מען האט זעלטען געזעהען א מענשען דורך געהן. צייטענווייז האט זיך געהערט דאס ראלען פון א דראשקע, וועלכע איז איילענדיג פערביי געפלויגען, און ווידער איז אלעס שטיל געבליעבען, וויא איינהערענדיג זיך אין דעם מרה־שחורה'דיגען קלאפּען פון דעם רעגען איבער'ן נאסען ברוק.

קאפּעלע איז בייז און אויפגעטראגען. ער קען זיך גאר נישט בערוהיגען פון דעם עגמת־נפש, וואס זיינע צוויי חברים, וועלוועל באק" און „ישראל גארגעל" האבען איהם פעראורזאכט. דאס הארץ צוגעהט איהם אזש פון וועה־טאג. פונקט ווי די פּריצים זיינען זיי ביידע, וועלוועל און ישראל, זיך געלעגען צולעגט און געהאלטען אין איין הייסען „פאדאיען" א פּארציע קרויט מיט קארטאפעל, און ווידער א פּארציע קרויט מיט קארטאפעל, דערנאך א פלאש ביער, מיט צוויי צעהנדליג פּאפּיראסען, און בשעת־מעשה האבען זיי געהאלטען אין איין קוקען אויף איהם, אויף קאפּלען, ווי איינער רעדט: „נא זעה, ווער צוזעצט קוקענדיג וויא מען לעבט א „משוגענעם טאג" און דו עס קרענק אויף דעם זייגער... !"

—פער'שרפה'עט זאלט איהר ווערען, — האט זיך קאפּעל געשאלטען, אראבציהענדיג דאס אבגעבליאקעוועטע היטעל טיעף איבער דעם שטערען. ער האט אויפגעהויבען דעם קאלנער פון בלאהען לעבערדיגען פּידזשאקעל, אריין געלעגט די הענד טיעף אין דיא קעשענעס און זיך געלאזט געהן.

דאס רעגענדיל האט לאנגזאם געטריפט, און געטריפט, דער ברוק איז געוועזען נאס און דיא פייכטקייט האט איהם דורכגענומען דורך דיא אויסגעדרעהטע, צולעכערטע שטיוועל.

ער איז געגאנגען אהן ציעל און ריכטונג. ער האט געהאט בדעה ערגעץ צו געהן און האט זיך קיין רעכנונג ניט געקענט אבגעבען —וואוהין.... ער איז געוועזען הונגריג און דורשטיג. ער האט נאך היינט אין זיין מויל נישט געהאט, און ס'איז שוין דריי דער זייגער. ס'איז שוין באלד נאכט. דעם „פאנפאטש" דארף מען א „פּיטאקעל" בעצאהלען פאר נאכטלעגער. דער „פאנפאטש" האט פיינט צו בארגען, און ער האט קיין פּרוטה נישט. היינט וואו וועט ער נעכטיגען?

ער דערמאהנט זיך פאראיאהרען אין דער היים.

ערשט א יאהר, אפשר עטוואס מעהר, האט נאך זיין טאטע געלעבט. קאפּעל איז געוועזען אין דער היים. ס'איז געוועזען ווארעם און ריין. קאפּעל האט געהאט צו עסען און טרינקען, האט געהאט א גאנצען מלבוש, און אליץ איז געוועזען אזוי רוהיג, אזוי גוט....

און איצט?

איצט איז דער טאטע טויט. די מאמע דיענט... קאפּלען האט מען אנפאנגס אבגעגעבען צו א שניידער. האט איהם דער שניידער גע־הרג'עט, געשלאגען, ביז ער איז אנטלאפען צו דער מאמען. דיא מאמע האט איהם צוריק געטריעבען צום שניידער און דער שניידער האט נאך מעהר „געשניטען דאס לעדער" ביז קאפּעל איז צום צווייטען מאל אנטלאפען. און אזוי בלאנקעט ער זיך ארום איבער דער שטאדט. וואו ער טאגט, דארט נעכטיגט ער נישט, הונגריג, דערשלאגען, אבגעריסען, אבגעשליסען...

—ווען עס וואלט ניט אזא רעגען געוועזען,— האט ער געמורמעלט צו זיך אין קאלנער אריין, —וואלט איך שוין וויסען וואס צו טהון.... ווען עס וואלט ווארעם געוועזען, ליכטיג, טרוקען... איך וואלט מיר שוין אן עצה געגעבען....

מיט עטליכע וואכען צוריק, ווען דער זומער מיט זיינע גאלדענע, ליכטיגע, ווארעמע

טעג און נעכט איז נאָך געווען, דעמאָלט אַז קאַפּעל האָט ניט געהאַט וואו צו נעכטיגען, פלעגט ער אַ סך מאָל, שטילערהייד ארויסשפּאַצירען הינטער דער שטאָדט, דאָרט וואו דער הויכער, גרינער בארג גיסט זיך צוזאַמען מיט די קלאָרע, גרינגע וואָלקענדלאַך. דאָרט פלעגט זיך קאַפּעל אַניעדערלעגען אין גראָז. אַלערלייי פליגעלאַך, היישעריקלאַך, און זומער־פייגעלעך האָבען חוצפּה'דיג איהם איבער'ן קאָפּ אין דער לופטען געשפּרונגען. צווישען די בערגלעך פערטריקענטע בלאָטע האָט ערגעץ אַ זשאַבע געקוואַקעט... די זונן פלעגט זיך פאַמעלאַך שוויימענדיג, הינטער יענעם בארג ארונטער קייקלען. טויזענדער פערשיעדען־קאָלירענדיגע שאַטענס האָבען געציטערט, געטאַנצט און געפלאַטערט... דערנאָך פלעגט פון איבער דער שטאָט, איבער דיא שווארצע פעררויכערטע אַלטע דעכער אויפגעהן די לבנה, קלאָר, באָדענדיג זיך צווישען די וואָלקענדלאַך, אונטערטונקענדיג זיך אַלע ווײלע און ווידער ארויס שווימענדיג, און גליטשען זיך גליטשען אַלץ העכער איבער דעם הויכען בלאָהען הימעל.... עס פלעגען אויפלייכטען שטערענדלאַך קליינע, ליכטיגע, גלייך וויא עמעצענס אַ פערבאָרגענע האנד האָט בכיון אויסגעשאָטען אַ בארג מיט בריליאַנטען, און זיי פלעגען ווינקען, שמייכלען און ציטערן...

קאַפּעל פלעגט אין אַזעלכע נעכט שעה'ן־וויז ליגען מיט'ן פּנים ארויף, מיט ווייט אויפגעעפענטע, אויסגעסטאַרטשעטע אויגען און קוקען אַלץ אין דער הויך. איהם פלעגט זיך דוכטען, עס איז ערב שבת, די לבנה, דאס איז זיין מאַמע, זי דרעהט זיך ארום איבער'ן שטוב, אָבגעוואַשען און אָבגעצוואָגען, אָנגעטהון אין שבת'דיגע קליידער. די שטערענדלעך זיינען די בענש־ליכט, וואָס די מאַמע האָט אָנגעצונדען און אַ ברכה געמאַכט... באלד וועט זיך די טהיר עפענען און דער טאַטע וועט אריין קומען מיט אַ ברייטען „גוט־שבת" און דיא לופט וועט פול ווערען מיט דעם נגון פון „שלום עליכם מלאכי השרות"...

ווי גוט, ווי מחיה'דיג־זיס זיינען געווען יענע זומער־נעכט.... !

און ליגענדיג אַזוי אויסגעשטרעקט אויף דעם גרינעם גראַז און ניט קענענדיג זיך דערוואַרטען אויף דעם טאַטען, פלעגט קאַפּעל אַנשלאָפען ווערען, פערוויעגט פון אונפערשטענדליכע זיסע רעיונות און חלומות....

אינסטינקטמעסיג האָט קאַפּעל געשפּריוזט איבער דעם נאַסען ברוק. דעם קאָפּ האָט ער אריין געצויגען צווישען דיא אַקסלען טיעף אין קאָלנער און ניט געזעהן אפילו וואוהין ער געהט.

פלוצים איז ער שטעהן געבליעבען. ער האָט געהערט: עס האָט ערגעץ אַ קלאַפּ געטהון אַ טהיר. אַ אידענע איז ארויס געגאַנגען פון אַ מעהל־געשעפט, האָט זיך ארומגעקוקט און, דערזעהענדיג קאַפּעלען, האָט זי איהם צוגערופען:

—קום נור, אינגעלע, וועסט מיר אָבטראָגען אַ פוד מעהל ? כ'וועל דיר בעצאָהלען.

קאַפּעל האָט ארויפגערוקט דעם דאשעק פון היטעל, האָט אָנגעשטעלט זיינע גרויסע, גראָהע אויגען אויף דער אידענע, האָט זיא אָנגעקוקט פון אויבען ביז אראָפּ און אַ רגע אַ טראַכט געטהון.

—וויט ? — האָט ער ענדליך קורץ אַ פרעג געטהון, ווידער אריין שטעקענדיג דיא הענד טיעף אין דיא קעשענעס און ארויסשטעלענדיג די צוויי שפּיציגע אַקסלען.

—אין משה ביק'ס גאַס. קום, אינגעלע, ניט וויט. — האָט איהם די אידענע איינגערעדט.

קאַפּעל איז געשטאַנען אַ ווײלע. דאס הארץ האָט איהם גענאָגט, געצויגען, פון הונגער האָבען זיך איהם די קניה אונטערגעבויגען און געציטערט. פון נאַסקייט האָט ער געשווינדערט.

—יאָ—אָ ! איך'ל אָבטראָגען, — האָט ער ענדליך מסכים געווען און איז נאָכגעגאַנגען דער אידענע אין געוועלב אריין.

ער האָט געזעהן, די אידענע האָט אָבגעצעהלט עטליכע זילבערנע מטבעות, האָט, בעצאָהלט פאַר דיא מעהל, דער מעהל־הענדלער האָט איהר רעשטע צונויפגעלעגט מיט איהר געלט, האָט דאס איינגעבונדען זאָרגפעלטיג אין אַ טיכעל און דאס צוריק אריין געלעגט אין קעשענע.

—קום אינגעלע, — האָט זי נאָכדעם גערופען קאַפּעלען.

אין דרויסען האָט נאָך אימער גערעגענט.

דיא אידענע איז געגאַנגען פריהער, און אין האנד האָט זיא געטראָגען אַ קליין קוישעל מיט עפּעס קלייניגקייטען און מיט דער אנדערער האָט זיא זיך אונטערגעהויבען דיא שלעפּע פון'ם קליידעל, וועלכער איז שוין סיי־ווי־סיי אויף אַ פינגער דיק מיט בלאָטע געווען. קאַפּעל איז איהר נאָכגעגאַנגען פון הינטען.

די קליינע, דאַכט זיך, גאַנץ גרינגע לאַסט האָט איהם אין דרייען צוזאַמען געבויגען. צווישען די געדאַנקען: „וואו קריגט מען עפּעס עסען, „וואו נעכטיגט מען ?" האָט זיך איהם פלוצים אריין גע'גנב'עט אַ פונק נייער געדאַנק, עפּעס אַזאַ שרעקליכער, אונהיימליכער.... דער מח האָט איהם אָנגעהויבען ברענען... עס איז דאָך מעגליך אַזוי לייכט מעגליך אי אויף עסען, אי אויף נאַכטלעגער צו בעקומען... עפּעס אַ מאָדנע מחשבה איז דאס געווען, וועלכע קאַפּעל האָט נאָך ביז איצט ניט געקענט.

קיין מענשען ארום זעהט מען ניט, די גאס איז לעער. די אידענע געהט עפּעס פערטראכט. נור אויסשטרעקען דיא האנד, צוויי פינגער אריין לעגען פון הינטען אין איהר קעשענע און פערטיג....

און עס פערגעהט איהם פלוצים דער רח פון פרישע, געקאָכטע קארטאָפּעל מיט גריווע, פון געפּרעגעלטע לונג־און־לעבער, און פאר דיא אויגען וואכסען איהם אויס זיינע צוויי בלוטיגע שונאים, „וועלוועל באָק“ און „ישראל גאָרגעל“ וויא זיי ליגען זיך ברייט צולעגט און טרינקען ביער און רויכען ציגארען מיט פּאפּיראָסען..... און דאָס הארץ ציהט זיך איהם צוזאמען און קלעמט איהם גאָר אָהן א שיעור.

—א וויסט מזל אויפ'ן קאָפּ אויף זייערען, קללה'ט זיך קאָפּעל שטילערהייד, וואו נעמען זיי דאס אלץ ?“

ער חאפּט הינטערוויילעכס ווידער א בליק אויף דיא אידענע. זי איז פערקלערט געגאנגען, טאלאָפּענדיג מיט איהרע גרויסע קאמאשען אין דער בלאָטע.

—און מיט'ן זעקעל מעהל וואָס טהוט מען?

—כאפּט זי דער שווארץ יאהר מיט'ן זעקעל מעהל צוזאמען, — טהוט ער זיך א חאפּ צוריק, — וואָס־זשע, נאָך פערזאָרגען זי מיט'ן מעהל אויך? זי זאָרגט פאר מיר א סך ? איהר אארט עפּעס אז איך האָב נאָך היינט אין מיין מויל נישט געהאט ? אז איך פּגר פון הונגער? אז איך וועל היינט אפשר מוזען ווי א הונד אויף דער גאס נעכטיגען, אבי האָט מיך אָנגעפּאקט אין מיטען גאס : קום! וועט מיר אודאי געבען א מכה אונטער דער זייט...

ער געהט נאָך אביסעל. אין מח ארבייט עס איהם העפּטיגער. קודם אָבפּערטיגען זיך, דערנאָך אנידער שטעלען דאָס זעקעל מעהל פּשוט אין מיטען גאס און—הלך מרדכי ! זאָל זי איהם געהן זוכען...

דאס הארץ נעהמט ביי איהם קלאפּען וויא מיט האמער'ס. ער רוקט זיך נאָך נעהענטער צו צו דער אידענע. פאָרזיכטיג ווארפט ער אונטער דאס זעקעל אויף די פּלייצעס, עס זאָל איהם ניט הינדערען, פּאמעלאך ציהט ער אויס דיא האנד... דאר הארץ קלאפּט נאָך שטארקער... דאס בלוט קומט איהם אין קאָפּ אריין... ער ציהט אויס די האנד און חאפּט זי ווידער צוריק... ער ציהט זי וויעדער אויס... קוים־קוים וואָס ער בעריהרט די פאלדען פון איהר קליידעל. אָט איז שוין די פאלד פון דער קעשענע... ער טאפּט אָן דאס טיכעל אין וועלכען דאס געלד איז איינגעבונדען... אָט... ער ציהט דאס לאנגזאם.... שטיל....

— — — — — — — —

דו שא־א־ארלאטאן איינער, דו גנב, —האָט עס איהם פלוצים א זעטץ געטהון אין אויער אריין א קול און אויף דער באק איז איהם אראָב געפאלען א פאטש, אז איהם איז פינסטער געווארען אין דיא אויגען. דאס זעקעל איז איהם אראָב פון דער פּלייצע, און, ניט וויסענדיג אויף וועלכער וועלט ער איז, האָט ער זיך פלוצים געלאָזט לויפען.

—שטע־ע־עה ! דו קליינער גזלן ! — האָט דער זעלבער קול גדונערט און א פּאָאָר קאלטע פינגער האָבען איהם פלינק אָנגעחאפּט פאר'ן אויער.

מיט שרעק האָט קאָפּעל אויפגעהויבען די אויגען און דערזעהן דעם בעל־הבית פון די פינגער, אין וועלכע זיין אויער איז געווען איינגעקלעמט, — א הויכער געלער איד, מיט א פערפלאָנטערטער באָרד, פון וועלכע עס האָט געטריפט דער רעגען מיט דיקע טראָפּען: אויף דעם פלוצליכען געשריי האָט זיך אויך די אידענע אויסגעדרעהט, האָט זיך דערשראָקען א חאפּ געטהון פאר דער קעשענע און אויף קאָפּעלס קאָפּ האָט זיך אָנגעהויבען שיטען געשרייען, קללות און פּעטש, איינער פייערדיגער פון'ם אנדערן.

—זעה, דו קליינער גנב, — האָט דער איד, שלאָגענדיג, האלטענדיג קאָפּלען נאָך אימער פאר'ן אויער, גלייכגילטיג גערעדט, —מען טאָר ניט גנבה'נען, מען טאָר ניט, מען טאָר ניט. ווען ס'וואָלט זיך מיר געגלוסט, וואָלסטו נאָך היינט אין פּאָליציי גענעכטיגט, נור כ'האָב פּשוט רחמנות אויף דיר... געה צו אלדי רוחות און היט דיר דיינע ביינער...!

און, דראָהענדיג קאָפּלען מיט'ן פינגער, האָט ער איהם, מיט פעראכטונג, אָבגעשטויסען פון זיך.

* * *

אויף דער נאכט איז קאָפּעל געזעסען ביים „פּאָנפּאטש“ אין שיינק און האָט געגעסען א פּאָרציע געפילטע קישקע מיט געפּרעגעלטע קארטאָפּליעס, פון וועלכע עס איז געגאנגען א שמעקענדיגע פּארע. נעבען איהם איז געשטאנען א קעלישיקעל בראנפען און א פלאש ביער...

—חע־חע־חע ! — האָט ער געשמייכעלט, אויפשטעקענדיג אויפ'ן גאָפּעל איין קארטאָפּליע נאָך דער צווייטער און קייענדיג זיי גלייכגילטיג. צום ערשטען מאָל גליקט עס אפּנים קיין מאָל נישט... האָב גאָר פריהער קיין שכל נישט געהאט. צום שווארצען יאהר ! האָט מיר ביי דער אידענע ניט געקליקט, האָט מיר גאָט צוגעשיקט א קצב מיט א פעט בייטעלע דוקא... חע־חע־חע! איצט וועל איך שוין וויסען... דער עיקר—מען דארף האָבען אויגען, פון פאָרענט און פון הינטען... וואו איז איצט וועלוועל מיט ישראל'ן? צושפּרונגען וועלען זיי ווערען, קוקענדיג אויף מיר... נישקשה... ! וואָס האָב איך דען געקענט

אַנוּוערען? אַ קלוגער איד געווען דער געלער, אוי, אַ קלוגער! האָט געפּאַטשט—אָבער כ׳לעבען, כדאי געווען אַזעלכע פּעטש... אָט אַ שכל... ממה נפשך—גליקט עס, איז דאָך אַ פּערגניגען, איז דאָ צו עסען, צו טרינקען, אויף נאַכטלעגער און אויף וואָס דאָס הארץ גלוסט, און די שונאים ווערען די כפּרה קוקענדיג אויף מיר... גליקט עס נישט—פּערליער איך דאָך אויך גאָר נישט... לכל הפּחות, וואו צו נעכטיגען האָט מען דאָך... איז אין פּאָליציי... אַ געשעפט... לאָז זיין אין פּאָליציי...! אויף דער גאַס אין רעגען איז בעסער?...

זשורנאַליסטישע עראינערונגען

פון מאָררים ווינטשעווסקי.

.2

שנוי־השם — דיא העברעאישע צייטונגען און דיא מאָגען־פראגע — דער „השחר“ — חסידיזמוס און דעמאָקראטיע — סענדער פּאָרט, דער קאָוונער שטאָדט־אפּיקורוס — משה ליב ליליענבלום.

אין דעם יאָהר 1875 בין איך צוריקגעקומען פון אָריאָל קיין קאָוונא, האָבענדיג מיטגעבראכט דעם טיעף־ראָסייסקען אקצענט און אַ שעפּסענעם פּעלצעל, און איך בין געווען יונג און דום גענוג צו שטאָלצירען מיט ביידע. חוץ דעם האָב איך דאַן שוין פערמאָגט אַ גוי׳שקען נאָמען, וועלכען אַ יונגע דאַמע האָט מיר געגעבען צום אויביגען אָנדענקען, און בכדי אַז זיא זאָל ניט דארפען מיך רופען מיט מיין אידישען נאָמען, וויל אונז ביידען האָט זיך דאַן ניט מעהר פּאָלאָגאַיעט צו זיין אידען.

מיר זיינען נאַראָדניקעס, אונזערע נאַטירליכע ברידער זיינען דיא מוזשיקעס, חיים יאַנקעל דער שוסטער קען וואַרטען, און אגב זיינען מיר דאָך עפּעס ניט אבי־וואו, טאַקע אין אָריאָל — בקיצור, אַ אידישער נאָמען וואָלט איינפאַך געווען... עט, וואָס איז דאָ צו רעדען! מעהר נישט אַלס אַ פּשרה צווישען מיין פּעלצעל דעם שעפּסענעם און מיינע העברעאישע שירים, האָט זיא מיר געגעבען אַ נאָמען וואָס איז ניט רוסיש אויך, זאָנדערן פּויליש: בראָניסלאַוו.

(טאָמער קלערט איהר, אַז ביי מיר און יענע יונגע דאַמע איז עפּעס געווען אַ האָרעלע ניט גלאַט, מעגט איהר קלערן; איך טאָר וועגען דעם ניט רעדען: דאָס איז ניט קיין זשורנאַליסטישע עראינערונג.)

צווישען צעדערבוים׳ס „המליץ“, דעם אָרגאַן פון דעם סאָרט אפּיקורסות, וועלכע גלויבט ניט אין שדים, אין מעמדות און אין אַ יאַרמאָלקע און צווישען יחיאל ברילל׳ס גאָט׳ס־פורכטיגען „הלבנון“, וואָס זיין מאָטטאָ איז געווען „דרך אמונה בחרתי,“ זיינען דאַן געשטאַנען צוויי צייטונגען: סלאָנימסקי׳ס „הצפירה“ מיט וויסענשאַפט, וואָס זעהט צו לעבען גוט מיט׳ן קב־הישר, און זילבערמאַן׳ס „המגיד“, וועלכער האָט זיך געסטאַרעוועט צו געפעללען אַללעמען. פּרושים אויף פּסוקים און געמאַטערטע פּלפּולים האָבען זיך דאָרטען רוהיג און פריעדליך געפּאַשעט אויף דיזעלביגע „געמייזאַכץ“, וואו אַ געוויסער מרגליות פּלעגט פיטטערן בערנשטיין׳ס וויסענשאַפטליכע פאָלקסביכער מיט מליצה׳דיגע פראַזען.

קומענדיג אין דער ליטא פון אָריאָל האָב איך שוין צום „המגיד“ געהאַט אנדערע קריוודעס וויא אַמאָל. אין דעם פּרט פון אמונה איז מיר ניט נור דער „המגיד“ זאָנדערן אפילו דער „המליץ“ שוין פאָרגעקומען ניט אַהין, ניט אַהער. יחיאל ברילל׳ס „הלבנון“ איז ווענינגסטענס געווען קאָנסעקווענט. ערשיינענדיג אין מאַיינץ, (דייטשלאַנד) פּלעגט ער, פון דעסטוועגען, צו אונז קומען אָנגעזופּט מיט עכט־ליטווישע, פעטע, יום־טוב׳דיגע יאָוך מיט הייליגע, נאָך ניט צוקראָכענע, דריי־שפּיציגע קרעפּלעך איננעווייניג, אַזוי אַריבערגעלייגט אַ קרעפּעל איבער אַ קרעפּעל, אַז עס זאָל אויסזעהען וויא אַ מגן־דוד. און דער אַלטער בית־המדרש האָט דערפון געקוואָלען, הגם דיא ליטערארישע יאָוך איז געווען שיטערלעך און אין דיא קרעפּלעך דיא פלייש אביסעלע צו בעיאָהרענט און עס האָט געפעהלט זאַלץ און פּעפּער, וועהרענד דיא מליצה־דיגע זאַפראַן, האָט געהאַט אַ טעם פון געשטויסענע ציגעל. אָבער פרום איז דער „הלבנון“ געווען וויא אַ ווילנער רעטשישניק, וויא אַ ווענדזעגאָלער קוגעל און דער אלטער בית־המדרש פּלעגט דערפון אָבלעקען דיא פינגער. מיר האָבען געוואוסט מיט וועמען מיר האָבען געהאַט צו טאָהן.

דער „המגיד“ דאַגעגען איז איצט אין מיינע אויגען שוין געווען וואָס דיא רוסען רופען

„ניט פאר גאָט אַ ליכט, ניט פאַר'ן טייוועל אַ קאָטשערע". ניט פיעל מעהר אכטונג, וויא געזאָגט, האָב איך געהאַט פאר'ן „המליץ", הגם ליליענבלום האָט שוין דאַן געהאַט דאָרט געשריבען זיינע ארטיקלען איבער „הדת והחיים", (דאָס געזעץ און דאָס לעבען), וואו ער האָט געטענה'ט געגען דעם צווייטען טאָג יום־טוב, און האָט בעוויעזען אז מען דארף מעגען עסען ארבעס אום פסח (אויב מען האָט, נאַטירליך) און האָט פערלאַנגט פון דיא רבנים אנדערע אזעלכע „וועלט־ערשיטטערנדע", רעוואָלוציאָנערע רעפאָרמען.

מיין בעקאַנטשאַפט מיט סינאַייסקי און ווערענסקי פון'ם אָריאָלער סעמינאַריום און נאָך מעהר מיט געוויסע ניט־כשר'ע שרייבער, צווישען אַנדערע זאָגאַר שוין אַ „שאַפּאָטשנאַיע זנאַקאָמסטוואָ" מיט ברוך שפינאָזא, האָט מיך געפיהרט פיעל, פיעל ווייטער וויא צעדערבוים'ס צייטונג, מיט ליליענבלום'ען, מיט אַללעם מיט אַנאַנדער חוץ דעם, דאָס הייסט, לאָזענדיג רעליגיאָן אָן אַ זייט, האָט מיך געמוטשעט די גאָפּעל־מעסער פראַגע, דער רוסישער פויער, וועלכען קען זיך ניט פערגינען קיין זאַלץ אין זיין ברויט און צייטענווייז אפילו אזעלכע ברויט אויך ניט; אַלזאָ ער, דער אָריאָלער, קורסקער, וואָראָניעזשער פויער פון „טיעף־ראָססייע" און דער קאָוונער אידעשער דלות, דער שרעקליכער דלות, מיט אַ הונגער־קריעפּאָסט אויפ'ן גרינעם באַרג, מיט אַנאַנדערע אין סלאָבאָדקע, מיט דעם מלאך המות אלס קאָמאַנדאַנט איבער ביידע און איבער דיא גאַנצע שטאָדט, איבער גאַנץ ליטאַ איבער דיא גאַנצע מדינה; מיט דיא נשמהלעך פון מיין אייגענע מאַמע'ס אַכט יונגערהייט געשטאָרבענע עופעלעך אימער שוועבענדיג ארום מיר, פאר מיינע אויגען, עפּעס אזוי וויא פערלאַנגענדיג נקמה פאר זייערע אָבגעשניטענע יאָהרען, נקמה פון אַ געזעלשאַפט, וועלכע האָט פאר די רייכע וויין און מעד, אָבער פאר דעם ארימען נור גאַלל און גיפט און גיהנום־משקאות, זיי, וועלכע סמאל ברויעט און לילית דיסטיללירט, און דיא שדים טראָגען פאַנאַנדער אין די אָרעמע הייזער, אין דיא הייזער וואו דיא לופט איז שווער און דיא נויט איז גרויס און דער דלות פייפט אָבער וועקט קיינעם ניט, ניט אויבען אין הימעל, ניט אונטען אויף דער ערד, קיינעם ניט!

* * *

אָבער אויב ניט דער „המליץ" וואָלט איהר געקלעהרט, אז פאר אַ בחור וויא מיר איז דאָך דאַמאַלס געוועזען דער „השחר"!

סמאָלענסקי'ס „השחר" איז ווירקליך געוועזען אַן אָרגאַן פון אויפקלעהרונג און אַ קורצע צייט זאָגאַר אַן ארט וואו אַ סאָציאַליסטישער ארטיקעל (דער פנים גוט פערשלייערט, און דער גוף אין אַ לעמעלע'ס פעלל) האָט זיך אַמאָל אריינגע'גנב'עט. דאָרטען דאָס איז וואהר, האָט יהל"ל געלאָזען דרוקען זיין געדיכט „עבד לעבדים" און זיין גרויסע פּאָעמאַ „כשרון המעשה"; דאָרטען זיינען ערשיענען אונזער אונפערגעסליכען צוקורמאַן'ס אייניגע ארטיקלען, דר. קאַמינער'ס אָריגינעללע, פאָלקסטהימליכע „פיוטים" און זאָגאַר ליבערמאַן'ס ערסטער ארויספאַר, אַלס סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדיסט, הגם אזוי קונציג פערשטעללט, אז דאָס האָט זעלטען ווער פערשטאַנען.

דיעזע אַללע זאַכען זיינען אָבער געוועזען אין „השחר" דאָסזעלבע וואָס אין אָן ארעמע אכסניא אַ פערבלאָנזעטער עדעלער רייזענדער, וועלכער ווערט נעבעך בטל בששים צווישען דיא בעל־עגלות מיט זייערע בייזע מיילער, צווישען דיא שכור'ע קאַצאַפּעס וואָס בלעקערטשען ביין שענק און אָן ערב־רב פון אנדערע, וועלכע בעטראַכטען דיא אכסניא זייער היים און יעדען אנדערן אין איהר פאר אַ ניט־געבעטענעם גאַסט.

בדרך כלל איז סמאָלענסקי'ס „השחר" געוועזען דער ארסענאַל פון וואַנען עס זיינען געקומען דיא שאַרפסטע כלי־זיין אין דער מלחמה פון דיא משכילים און דיא חסידים.

דיעזע מלחמה איז מיר אין דעם יאָהר (1875) געוועזען ניט נור ניט צום הארצען, זאַנדערן איינפאַך עקעלהאַפט.

ארום יענע צייט האָב איך נעמליך שוין פערשטאַנען אז דער חסידיזמוס איז אייגענטליך אַ מין דעמאָקראַטישע בעוועגונג אין דער רעליגיאָן; אַ מין מיאַטעזש געגען דעם יחוס פון דיא גמרא־לערנער, פון דיא באַנק־קוועטשער, פון די קונציגע שווימער אינ'ם ים־התלמוד, וועלכע קוקען אויף דעם המון, דעם פאָלק מיט פעראַכטונג, זאָגאַר מיט האס; אַ מין אידישע סאָלאָוויישען־ארמי, וועלכע האַלט מעהר פון תפילה וויא פון לערנען, ווייל דאַוונען קען אַ קאָנזאָרטניק אויך, וועהרענד דער מהרש"א מיט זיין „יש־לישב בדוחק" איז ניט פאר אַ בעל־מלאכה געדאַכט.

אָבער זאָגאַר דאַן ווען דער חסידיזמוס איז פאר מיר געוועזען ניט מעהר וויא סקאַקונסטוואָ אין דאַוונען, און אז עקסטרא־שנאַפּס צייטענווייז, און אַ מענשליכערע אויפפאַסונג פון דעם וואָרט „שיקסע", און אַ רבי מיט פּדיון, מיט שאירים מיט התרת עקרות, מיט נסים און מלאכים און נבואות און עלית נשמה און אַנדערע אזעלכע זאַכען, — זאָגאַר דאַן האָב איך, אָבגלייך אַ מתנגד בן־מתנגד, געהאַט אַ וואַרימען ארט אין מיין הארצען פאר דיא חסידים.

זיי האָבען געזאָגט איינער דעם אַנדערען

„דו“, סאַיי אַרעם סאַיי רייך, זיי האָבען געהאַט צווישען זיך מעהר אחדות, זיי האָבען פעראַכטעט דעם אידעשען אריסטאָקראַטישען יחוס, זיי האָבען פיינד געהאַט מרה שחורה און ליעב געהאַט אַ טענצעל, אַ געזאַנג און ווען זיי האָבען איינער דעם אַנדערן דערצעהלט נסים פון'ם רבי'ן איז דערביי געווען אַ לוסטיגער הומאָריסטישער פינטעל אין אויג, וועלכער האָט געזאָגט: „שוטה און אז איך לאַייג וואָס מאַכט עס דיר אויס? דיין באָבע'ס דאגה!“

און איך, אויפגעהאָדעוועט ביי אַ טאַטען, וועלכער האָט זיך פורים ניט געזעצט צו דער סעודה אָהן משה דעם שוסטער, וועלכען ער פלעגט אַ קוס טאָן ביי אריינגעהן; אויפגעהאָדעוועט מיט יודקע דעם ממזר און עלקע, דעם זשוליק און עטליכע אונטערגעוואָרפענע קינדער, וואָס האָבען זיך אויסגערוהט אינ'ם הקדש און אויסגעבילדעט אין דער תלמוד תורה און פאַר וועלכע איך פלעג צו זיעבען אַכט יאהר גנב'ענען אָקראַייטשיקעס חלה און מיין גוטע מאַמע פלעגט זיך מאַכען ניט זעהענדיג... איך, אלזאָ, האָב דעם חסידישען „דו“, דיא חסידישע אחדות, דיא חסידישע פעראַכטונג פאַר דיא אידישע גמרא־אריסטאָקראַטיע געפיהלט נאָך איידער איך האָב עס פערשטאַנען.

מיין פערשטעהן, לאָמיך אגב אורחא בעמערקען, האָב איך צו פערדאַנקען אָרשאַנסקי'ס ברילליאַנטען אַרטיקעל (אינ'ם „ראַזסוויעט“, דאַכט זיך) וועגען דעם חסידיזמוס. אָבער נחזור לענייננו.

מיר האָט דערפאַר דער „השחר“ מיט זיין אייביגען קאַמפף געגען דיא חסידים, אָבגלייך גאַנץ אונגערעכט איז דאס ניט געווען, כמעט אָבגעעקעלט, און דער ניינצעהן־יאָהריגער בליהענדער „ליטעראַט“ האָט זיך געפונען פונקט אַזוי פון דרויסען אין דעם העברעאישען זשורנאַליזמוס וויא אַכט־און־צוואַנציג יאהר שפּעטער (אין 1904) אין דעם סאָציאַליסטישען אין ניו־יאָרק. פון'ם „המגיד“ בין איך געווען ארויסגעוואַקסען און אין וואָס אריינצוואַקסען איז ניט געווען.

און אום צו ענדיגען מיט'ן „המגיד“ לאָמיך אַ שפּרונג טהאָן אויף אַ מינוט אין דייטשלאַנד.

אין אַ יאָהר דריי אַרום האָט דיא רוסישע רעגיערונג אויף אַ ווײַלע פערבאָטען דעם „המגיד“ אין רוסלאַנד. איך בין דאַן שוין געווען אין פּרייסען, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און אַ „שרייבער“ אין דער קעניגסבערגער סאָציאַליסטישער „פרייער פּרעססע“ און דאָרטען האָב איך בעזונגען דעם טויט פון „מיין“ ערסטע צייטונג און געטאַנצט אויף איהר קבר.

דער „המגיד“ איז נאַכהער אויפגעשטאַנען תחית המתים; ער איז אייגענטליך נור געלעגען אין אַ קורצען צענזורנעם היהנער־פלעט, אָבער דאָס האָט ניט צו דער זאַך: דער „המגיד“ איז געווען מיין ערסטע צערשטערטע וועלט.

* * *

דאַמאָלס — איך קום צוריק צום יאָהר 1875 — האָט אין קאָוונאַ געלעבט אַ מערקווירדיגער אידעל.

ער איז געווען דער אפּיקורוס פון שטאָדט. פון איהם האָט מען דערצעהלט אללערליי ניט־געשטויגענע און ניט־געפלויגענע מעשות. עס האָט זיך געלעגט אויפ'ן שכל, אז דער ימח־שמוניק עסט צוועקעס מיט חלב אַבי נור צו טאָן להכעים דעם בורא־ברוך־הוא. מען האָט דערצעהלט און געגלויבט אז ער האָט זיך מיט איהם, כביכול, געריצט פּסח ביי'ן סדר, געברויכענדיג געגען דעם רבונו־של־עולם זעהר גראָבע ווערטער.

פון איהם, פון „מאַפּקען“ (אברהם מאַפּו) און פון „שאַפּירקע“ דעם אפּטייקער איז געגאַנגען אַזאַ מין מעשה:

ויהי היום, איז זיך צונויפגעקומען שאַפּירקע מיט מאַפּקען מיט איהם, דעם עוכר. איז ער, ימח שמו, האָט זיך אָבגערופען צו די אַנדערע ביידע כל־בו־ניקעס און האָט געזאָגט: חברה! דאַוואַיי, לאָמיר זאָגען ליגען, און ווער עס וועט זאָגען דעם גרעסטען שקר איז, הייסט עס, הרי זה משובח.“

האָבען זיי איינגעשטיממט. האָט מאַפּקע געזאָגט דעם ערסטען ליגען; מאַכט ער:

—„משיח וועט קומען!“

רופט זיך אָב שאַפּירקע און זאָגט:

—„מען וועט אויפשטעהען תחית־המתים!“

—„שאַט! — שרייט ער אויס — רעט ניט, גאָט הערט!“

ער, דאס איז געווען סענדער פּאָרט, אַזאַ פּאָרט איז אין יענע צייטען געווען אומערום. יעדע שטאָדט האָט זיך געהאַט איהר אַפּיקורוס, איהר וויצלינג, איהר שטאָדט־באָק און איהר משוגענעם.

וועלען וואָללט זיך מיר געוועלט וועגען איהם מעהר שרייבען, אָבער אין דיא ראַמקע פון דיעזען אַרטיקעל וועט דאָס ניט אריינפּאַסען, און דאָ איז גענוג דער דאָזיגער אַנעקדאָט אום צו געבען אַ בעגריף פון דעם סאָרט מענש, אַרום וועלכען איך רעד.

סענדער פּאָרט'ס הויז איז געווען אַן אָרט וואו יונגע לייט פלעגען זיך צוזאַמענקומען און וואו היציגע דיסקוסיאָנען פלעגען פּאָרקומען כמעט יעדען טאָג. דער אַלטער, ווען איך בין מיט איהם בעקאַנט געוואָרען, איז שוין געווען קראַנק

צום שטארבען. ער האט זיך קאם־קאם געהאלטען און ווען זיין טויט איז צוויי יאהר שפעטער געקומען, האט יעדער אמת'ער פריינד דאס געהאלטען פאר א בעפרייאונג פון שרעקליכע ליידען.

דיעזער פארט האט געהאט א געוויסען איינפלוס אויף מיין לעבען, אבער ניט קיין זעהר גרויסען. א גרעסערע ראללע אין מיין ענטוויקלונג (אלס סאציאליסט און שרייבער) האט געשפיעלט זיין הויז.

דאס איז געווען פארט'ס הויז, וואו איך האב געקראגען צו זעהן ליבערמאן'ס „מאניפעסט" צו די אידישע יונגע לייט", דאס הייסט, דיא ערסטע סאציאליסטישע שריפט אין העברעאיש. אויך איז דאס געווען פארט'ס הויז וואו איך בין בעקאנט געווארען מיט דעם מאן, וועלכען איך האב אויבען דערמאהנט, מיט משה ליב ליליענבלום, א יאהר שפעטער.

איך וועל אבלעגען דיא בעשרייבונג פון ליבערמאנ'ס פלוגשריפט און איהר ווירקונג אויף מיר ביז'ן קומענדיגען ארטיקעל. דא וועל איך זאגען עטליכע ווערטער וועגען דעם אמאליגען ליליענבלום, דעם פערפאסער פון'ם „חטאות־נעורים" אויף וועלכע ער האט שפעטער חרטה געהאט, דעם קאכמאפאליט, דעם סאציאליסט, דעם פיאנער פון יענער בעוועגונג, וועלכע וועט אמאל אין איהר טריאומף, דערמאנען צו גוטען זיין געעהרטען נאמען—צו איהם איז דאס ליעב צו ניט. מיר, האט ער שוין מיט 22 יאהר צוריק געשריעבען, אז ער ווילל פון קיין זאך, חוץ ארץ ישראל, מעהר ניט וויסען, און אזוי ווייט וויא איך הער איצט, איז ער היינט א מענש וואס האט שוין לאנג תשובה געטאן אויף זיין סאציאליזמוס, וויא ער האט דאמאלס חרטה געהאט אויף דיא זינד פון זיין יוגענד.

דער ליליענבלום פון יענער צייט איז געווען אלט א יאהר 33, אלזא אן ערך פון 13 יאהר עלטער פאר מיר. ער איז מיר געווען בעקאנט אלס דער פערפאסער פונ'ם „קהל רפאים", א פיינע סאטירע אין פערזען, וועלכע איז ערשיענען אין אדעססא אין דעם יאהר 1870.

אזוי וויא „עהרליכקייט" איז דאמאלס געווען ביי מיר וואס מען רופט א פיקסע אידעע, א זאך וואס איז מיר כמעט ניט ארויס פון דעם געדאנקען ניט אויפ'ן וואהר, ניט אין חלום, האט ליליענבלום, וויא ער האט צו יענער צייט ארויסגעזעהן, גליך פערנומען דעם אויבען־אן אין מיין הארצען.

פאר דיא וואס האבען געלעזען זיין „חטאות נעורים", אן אויטאביאגראפיע, וועלכע האט ניט איהר גלייכען אין אונזער ליטעראטור, וואללט איך ארום דעם ליליענבלום פון דעם יאהר 1876 ניט געדארפט פיעל רעדען. פאר אונזערע לעזער מוז מען פרובירען צייכנען, כאטש אין עטליכע שטריכען, זיין פארטרעט — ווענינגסטענס א גייסטיגען פארטרעט, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען.

ניט הויך געוואקסען, ניט ברייט אין דיא שולטערן, מיט איינגעזונקענע אויגען און —דאכט זיך — רויטליכע האאר, האט ער אויסגעזעהן וויא א קליין־שטעטעלדיגער מלמד'ל, וועלכער האט מורא פאר דיא ווייב, האט בושה פאר'ן בעהעלפער, און פרעהט זיך אויב דיא אינגלעך לאזען איהם צורוה.

אין אמת'ן האט דיעזער מאן געהאט ניט נור דעם קוראזש זיך כמעט מוסר־נפש צו זיין, זאנדערן אויך דיא קאמפף־לוסט, וועלכע ברענגט אזא קוראזש ארויס.

איידער ער איז געקומען קיין קאוונא (דיא „עיר־הגדולה" אינ'ם „חטאות נעורים") האט איהם דיא ווילקאמירער אידישע טשארנאיא סאטניא אזוי פערפאלגט, אז עס האט ניט פיעל געפעהלט, וואללט ער ניט דערלעבט צו דערצעהלען דיא מעשה.

אבער ניט ארום דעם זארט קוראזש דענק איך איצט. כאראקטעריסטישער פאר ליליענבלום'ען זיינען דיא פאלגענדע עטליכע אונבעדייטענדע קלייניגקייטען:

ווען ער איז אנגעקומען אין קאוונא, איז ער, נאטירליך, געווען א גרויסער קבצן. ער איז דערפאר אריינגעפאהרען אין יאנעווער אכסניא, איינע פון דיא ארעמסטע אין שטאדט.

עס קומט אן דער שבת קודש. ליליענבלום געהט נאטירליך ניט דאווגען און דאס געהט נאך וויא עס איז דורך. דיא אורחים און דער בעל אכסניא זיינען אבער געקומען פון שול (פרייטאג־צו־נאכט) האבען זיך אבגעגעסען, אבגעזונגען זמירות און געלעגט שלאפען.

ליליענבלום שלאפט וועניג. ער זיצט ביי א ספר.

מיט אמאל ווערט א מהומה. דער בעל־הבית כאפט איהם ארומטראגענדיג פון איין צימער אין דעם אנדערן א לייכטער מיט א ברענענדיגע ליכט.

„גאט־אי־מיט־אייך! — שרייט ער —ר' איד, וואס טראגט איהר עפעס א ליכט אום שבת?"

—„איך דארף!" — ענטפערט ליליענבלום און געהט רוהיג ווייטער.

משמעות האט מען איהם דארטען געהאלטען פאר גאר פשוט משוגע, אניט וואללט זיין לעבען געווען אין געפאהר.

אין ווילקאמיר נאך בעט זיך ביי איהם א קרוב ער זאל צוליעב טאן „דיא וועלט" און געהן

דאוונען. ער טענה'ט און ענדיגט מיט דער פראגע:

„טאקי אזוי, משה ליב, זאג פאר וואס ניט?“

—„עס איז ניטא צו וועמען“ — ענטפערט ער.

ווען ער איז געוועזן א קורצע צייט אין קאוונא בין איך איין שבת ביי טאג מיט איהם געגאנגען שפאציערען אויפ'ן בארג אין אלעקסאט.

מיר האבען זיך לאנג אונטערהאלטען. מיט אמאל זעה איך וויא ער נעהמט ארויס א פעקעל טאבאק מיט פאפיער און נעהמט מאכען א סיגארעט. איך, וועלכער האב נאך דאן ניט געהאט גערויכערט און בין געוועזן אן אפיקורוס מעהר אין געדאנקען וויא אין דער טהאט, בין פערוואונדערט געווארען. אין אונזערע מקומות, אין יענע צייטען, רויכערן אום שבת, האט א איד געדארפט שטעללען זיין לעבען אין געפאהר אום דאס צו טאן אפילו אין וואלד.

„האט איהר דאס גאר קיין מורא ניט?“ האב איך איהם געפרעגט.

אנשטאט צו ענטפערן האט ער, געדענק איך, א שאקעל געטאהן מיט'ן קאפ און, אנרייבענדיג א שוועבעלע, האט ער פעררויכערט זיין פאפיראס.

עס איז קיין גוזמא ניט צו זאגען, אז ליליענבלום איז דאן געוועזן דער זויבערסטער, עהרליכסטער, כאראקטערפאלסטער אידישער שרייבער.

זיין גאנג, זיין בליק, זיין העברעאישער סטיל, זיין רעדען וועגען זיך און אנדערע—אלעס האט געוויעזען א פראסטקייט און אן אויפריכטיגקייט, וועלכע זיינען שווער צו טרעפען ספעציעלל צווישען אונזערע „מחברים.“

און איצט קום איך צו מיין נעכסטע זשורנאליסטישע ערפאהרונג, צום „הקול.“

דארטען וועל איך האבען א געלעגענהייט צו דערמאהנען נאך אמאל דעם מאן, וועלכער איז מיר נאך היינט ליעב און טהייער.

הערבסט בלעטער.

1.

דער קאלטער אסיען קומט באלד אן,
עס קיהלט אין מיר מיין בלוט;
און מיט דיא זומער צויבער־נעכט,
פערשוואונדען ווערט מיין מוטה. —
איך וויים, איך וויים, ער בריינגט מיט זיך
דעם רעגען, בלאטע, קעלט.
איך האב קיין הויז און קויטיג איז
מיין היים — דיא גרויסע וועלט. . . .

2.

עס זינגט דער פייגעל טרויעריג,
באלד קומט א נאסער וועטער,
באלד בלייבען אללע בוימער הויל,
באלד וויאנען אללע בלעטער. —
באלד דארען אללע בלימעלאך,
באלד וועט דער ווינד, דער כעסן
פיעל, פיעלע יונגע ביימ'לאך מיט
דיאווארצלען ארויסרייסען. . .
באלד קומט דער וויסטער פחד אויף
א שווארצען פערד צו רייטען,
א, וועה, ער וועט דעם גליק, דיא לוסט
אויף אומגליקען פערבייטען. . . .
באלד שלאפט פעסט איין דיא גאנצע וועלט
אין טיעפען־טויטען־שלוממער,
א באלד פערגייט דעם מענשען'ס הארץ
אין שטיללען, שטיללען קוממער. . . .

3.

אומעדיג הוזשעט און זשוזשעט דער ווינד
עס איז אזוי פויל אויפ'ן גאס,
דער הימעל, ער קוקט אין מיין פענסטער אריין
אזוי חשך'דיג, גרוי אין כעס...
עס פרעגט מיין נשמה: צו קומט נאך דער מאי?
צו נעהמט ווען צום ווינטער אן עק?
דער ווינד אלס אן ענטפער, ער קרעכצט אזוי שווער
און קלאפט אין דיא שויבען מיט שרעק...

4.

טיעפער אומעט אומעדום,
טיעפער שמערץ און לייד,
אין גרויע־נאסע קליידער האט,
זיך אנגעטהאן דער פרייד...
וויא א רוח ברומט דער ווינד,
טומעלט אין דער לופט,
וויא א שווארצע־טייוועל־קראה

5.

רופט דער טויט און רופט...
א פוילע נאכט, א פייכטע נאכט,
איך פיהל דעם טויט אומשוועבען,
ער וויל פון מיר מיט גוואלט, מיט מאכט
אוועקנעהמען דאס לעבען....
וואס ווילסטו, ווילסטו טויט פון מיר
וואס ביזטו דא געקומען?
איך האב נאך ניט געקושט א העלפט
פון לעבענס־שיינע בלומען....

יואל סלאנים.

וויסענשאפט

דיא וועללען-טהעאָריע אלס דער פונדאַמענט פון דיא נאַטור-פילאָזאָפיע

פון דר. א. א. הימאָוויטש.

.1

אין דער לעצטער צייט האָט דיא פילאָזאָפי אָנגענומען אַ גאַנץ נייע ווענדונג. צוזאַמען מיט דער סכאָלאַסטישער פילאָזאָפי, דער מעטאַפהיזיק, דיא חקירה וועגען דעם מה שאחר הטבע לאָגי) האָט זיך לעצטענס ענטוויקעלט אויף דיא און די טהעאָריע פון וויסענשאפט (עפיסטאַמאָ־זאָגענאַנטע נאַטור־פילאָזאָפי, וועלכע פרעטענ־דירט צו שאַפען אונז אַ וועלט־אַנשויאונג דורכ־אויס געגרינדעט נאָר אויף ריינע וויסענשאַפט, ספּעציעל אויף פיזיק. אונזער אַבזיכט איז בע־קאַנט צו מאַכען די לעזער מיט דיזער נייער־ווענדונג אין דער פילאָזאָפי, און אַזוי וויא דערצו מוז מען האָבען אַ בעקאַנטשאַפט מיט דיא מאָדערנע טהעאָריען פון פיזיק, וועלען דיא ער־שטע פּאָאָר ארטיקלען זיך בעשעפטיגען מיט דיא נייע טהעאָריען אין דער פיזיק און דאָס וועט אונז דיענען אלס איינלייטונג צו דער נאַטור־פילאָזאָפיא.

פון פערזענליכע בעקאַנטשאַפט מיט גע־בילדעטע לייטע, וועלכע גיבען זיך אָפּ מיט שטו־דירען ליטעראַטור, סאָציאָלאָגי און נאַטור־ווי־סענשאַפט, ווייס איך, אז דיא מאָדערנע טהעאָ־ריען פון פיזיק, וועלכע זיינען דער פונדאַמענט פון דער פילאָזאָפי דער וויסענשאַפט, זיינען ווי־ניגער פון אַלעס בעוואוסט און פערשטאַנען צווי־שען די געבילדעטע קלאַסען. און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, ווייל דיא נייערע אידעען פון דער מאַטעמאַטישער פיזיק ווערען פאָרגע־בראַכט נאָר אין דיא וויסענשאַפטליכע זשורנאַ־לען, אָדער אין די בעריכטען פון די געלעהרטע געזעלשאַפטען. דיזע טהעאָריען געהען אריין אין דיא טעקסט־ביכער זעהר לאַנגזאַם, און צו מאַנ־כע פון זיי האָבען אַ צוטריט אפילו זעהר ווייני־גע פון די געלעהרטע, די יעניגע, נעמליך, וועל־כע זיינען פּעראינטערעסירט נאָכצופאָלגען דעם פּאָרשריט פון דער וויסענשאַפט. דערפון קומט עס ארויס, וואָס דיא אינטעליגענטע פּובליקום פערבלייבט ביי די פאַלשע, פערשימעלטע אי־דעען וועגען דיא טהעאָריען איבער דעם מעכאַ־ניזמוס פון דער אַללוועלט (אוניווערזום).

כדי צו מאַכען דיא זאַך אַביסעל קלאָהרער לאָמיר אָנפאַנגען פון דער איינפאַכסטער פּאַסי־רונג אין דער נאַטור: די בעוועגונג פון אַ האַרטען קערפּער. אַ האַרטער קערפּער איז אַזאַ, וועלכער לאָזט ניט בייטען זיין פאָרמע, ד. ה. דיא טהייל־כעלעך, פון וועלכע ער איז צוזאַמענגעשטעלט בלייבען אין דער זעלבער פערהעלטניס איינע צום אַנדערן ווען ער בעוועגט זיך, אַזוי ווי בעת ער ליגט אויף אַן אָרט. דיא בעוועגונג פון אַ פליסיג־קייט, אָדער פון אַ גאַז איז שוין ניט אַזוי פּראָסט. אין אַ פליסיגען קערפּער גליטצען זיך דיא טהייל־כעלעך איינע איבער דיא אַנדערע, ווען ער בע־וועגט זיך, און אין אַ גאַז שטויסען זיי איינער דעם אַנדערן און ציהען זיך פאַנאַנדער, אָבער אין אַ האַרטען קערפּער בלייבען זיינע טהיילכעלעך אין דער זעלבער פערהעלטניס איינע צו דיא אַנ־דערע, אפילו ווען ער בעוועגט זיך. מעהר ניט, דער גאַנצער קערפּער צוזאַמען בייט אום זיין שטאַנד פון איין אָרט אויף אַן אַנדערן. אַ ביישפּיעל פון דיא בעוועגונג פון אַ האַרטען קערפּער קענען מיר לייכט האָבען ווען אַ שטול אָדער אַ טיש ווערט איבערגערוקט פון איין אָרט אויף אַן אַנדערן. דאָס זעלבע איז מיט אַ שווימענדעס שיף, אָדער מיט דער לבנה אין הימעל. צו מאַכען אַ האַרטען, ניט לעבעדיגען קערפּער בעוועגען זיך, מוז מען איהם געבען אַ שטופּ אָדער אַ ציה. קיין אַנדער מיטעל וויא צו ברייגגען אַ קערפּער אין בעוועגונג, זעהט אויס, קען ניט געמאָלט זיין.

אין אמת'ן אָבער זעהן מיר אין דער נאַטור

קערפּער, וועלכע בעוועגען זיך אָהן אַ שטופּ און אָהן אַ ציה. מיר זעהען, צ. ב. זאַכען פאַלען צו דר'ערד און קיין שטריק ציהט זיי ניט אָדער קיין הענד שטופּען זיי ניט. מיר זעהען אַ מאַגנעט ציהט צו זיך צו שטיקלעך מעטאַל וועלכע קלע־פּען זיך צו איהם צו, אַזוי אַז עס פאָדערט זיך אַ היבשע ביסעל קראַפט זיי אָפּצורייסען. אָדער — אַן אַנדער ביישפּיעל: מיר נעהמען אַ כלי האַלב אָנגעפּילט מיט וואַסער מיט אַביסעל עסיג אינעווייניג און שטעלען אַריין אין דיא פליסיגקייט אַ קופּער־פּלאַטע מיט אַ צינק־פּלאַטע און אַ דראָט זאָל בעריהרען דיא צוויי פּלאַטען פון ביידע זייטען. גלייך וועט אַרויסקומען איין עלעקטרישער שטראָם וואָס וועט געהן פון דיא קופּער צו דיא צינק דורך דעם דראָט, וויא מען קען עס זעהען אויפ'ן זייגער וואָס ווייזט אָן דיא ריכטונג פון שטראָם (גאַלוואַנאָמעטער). דיזער עלעקטרישער שטראָם רופט זיך דער ערשטער שטראָם. יעצט, אויב מיר וועלען ברייננגען אַן אַנדער דראָט נאָהענט צו דער באַטעריי, וואו דער עלעקטרישער שטראָם געהט דורך און מאַכען אַז ביידע עקען פון'ם דראָט זאָלען אָנריהרען איינער דעם אַנדערן, כאָטש ער זאָל גאָר ניט זיין אין בעריהרונג מיט דער באַטעריי — ער קען זיך אַפילו געפינען אַ היבשע שטרעקע ווייט פון דעם אָרט, וואו דער ערשטער שטראָם קומט פאָר — וועט דער גאַלוואַנאָמעטער צייגען אַז אַן עלעקטרישער שטראָם געהט דורך אויך דורך דיזען דראָט. דיזער שטראָם איז בעוואוסט אַלס דער צווייטער שטראָם, און ער געהט דורך אין אַ ריכטונג פונקט פערקעהרט צו דעם ערשטען.



דיזע ערשיינונג האָט ענטדעקט פאַראַדיי און דאָס איז בעוואוסט אין פיזיק אונטער דעם נאָמען „אינדוקציאָן“.

דיא פראַגע איז יעצט: וואָס ברייננגט אַרויס דיזען 2טען שטראָם? דער דראָט געפינט זיך, וויא געזאָגט, אויף אַ היבשע שטרעקע ווייט פון דער באַטעריי, און איז דוכט זיך אין קיין בעריה־רונג ניט מיט דעם ערשטען שטראָם. דאָ האָבען מיר ניט אַלזאָ ניט קיין שטופּ און ניט קיין ציה, און עס מוז דאָך אָבער זיין עפּעס איין אורזאַכע וואָס ברייננגט אַרויס דיזען עלעקטרישען שטראָם?

צו ערקלעהרען אַזעלכע ערשיינונגען וויא דיזע, האָבען נאַטור־פאָרשער און פילאָזאָפען פון אַלע צייטען אויסגעדיינקט פערשידענע סאָרטען (פערמיטלונגען מעדיומס) דורך וועלכע איין שטאָף זאָל קענען ווירקען אויף אַן אַנדער שטאָף פון דער ווייטען, אַפילו ווען קיין קענטיגע בע־ריהרונג איז צווישען זיי ניטאָ. ניוטאָן האָט ענט־דעקט דעם געזעץ פון גראַוויטאַציאָן (צוציהונגס־קראַפט), ער האָט אויסגעפונען אַז אַלע קערפּער וואָס עקזיסטירען אין דעם אוניווערזום בעזיצען אַ קראַפט מיט וועלכען זיי ציהען צו איינע דיא אַנדערע; און וואָס גרעסער איין קערפּער איז פון דעם אַנדערן אַלץ גרעסער איז דיא קראַפט מיט וועלכע ער ציהט דעם אַנדערן צו; און וואָס וויי־טער דער קערפּער איז, אַלץ קלענער איז דיזע קראַפט; און ער האָט פעסטגעשטעלט אַ מאַטהע־מאַטישע פאָרמולאַ (אַ כלל) צו דעם געזעץ, וועלכע איז גוט פיר אַלע קערפּער אָדער טהייל־כעלעך פון שטאָף אין גאַנצען אוניווערזום.

אָבער וויא אַזוי דיזע צוציהונג פון דיא קערפּער איינע צו דיא אַנדערע ווערט דורכגע־פיהרט? וואָס איז עס וואָס מאַכט אַז די טהייל־כעלעך פון שטאָף זאָלען זיך בעוועגען איינער אין דער ריכטונג צום צווייטען? דאָס האָט ער ניט געקענט ערקלעהרען. מיר האָבען בעווייזע, אַז ער האָט געמאַכט גרויסע אַנשטריינגונגען אין דיזער ריכטונג, נאָר אַזוי וויא ער האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעגעבען זיינע פאָרשונגען סיידען ווען ער איז געווען ערפאָלגרייך, ווייסען מיר ניט אין וואָס זיינע סברות און חקירות זיינען בע־שטאַנען. נאָר קענטיג איז פון זיין שרייבען, אַז ער האָט געהאַלטען אַז עס מוז זיין צווישען דיא טהיילכעלעך פון שטאָף, אָדער צווישען די קער־פּער זיך געפינען עפּעס אַ מין מעכאַניזמוס, דורך וועלכען עס זאָל זיין מעגליך זיי זאָלען ווירקען איינע אויף די אַנדערע פון דער ווייטען. ער זאָגט אַזוי: „עס איז אונבעגרייפליך, ווי אַזוי איין אונבעלעבטע גראָבע שטאָף, אָהן די פערמיטלונג פון עטוואָס אַנדערס ניט קערפּערליכעס, זאָל קע־נען בעאיינפלוסען און ווירקען אויף אַנדערע שטאָף, ניט זייענדיג מיט איהר אין קיין בעריה־רונג, ווי מיר מוזען עס אַננעהמען אויב מיר זאָ־לען האַלטען אַז די גראַוויטאַציאָן, אין עפּיקור'ס זינן, איז הויפּטזעכליך איינגעבאָרען אין דיא שטאָף. דיא מיינונג אַז דיא גראַוויטאַציאָנס קראַפט איז אינערליך, איינגעקלעפּט, איינגע־באָרען אין דיא שטאָף אַזוי אַז איין קערפּער קען ווירקען אויף אַן אַנדערן פון דערווייטען דורך פּוסטען חלל (וואַקואום) אָהן דיא פערמיטלונג פון עטוואָס אַנדערס, דורך וועלכעס דיזע וויר־

קונג קען איבערגעטראָגען ווערען — איז אין מיינע אויגען אזא אונזינן, דאָס איך גלויב אז קיין מענש וואָס בעזיצט וועלכעס עס איז ערנסטע דענקונגס־קראפט אין פילאָזאָפישע פראגען, קען דערפון ניט האלטען".

ניוטאן האָט געגלויבט אַז ליכט קומט ארויס פון אזעלכע קערפערלעך, וועלכע ווערן ארויסגע־לאָזען פון דעם מקור פון ליכטיגקייט (דיא זונן) און וואָס קומען אָן צו אונז מיט א געוויסער שנעלקייט. דאריבער איז ניט נויטיג עס זאָל זיין א בעזונדער מעכאניזמוס דורך וועלכען דאָס ליכט קען דערגרייכען צו אונז. „די קערפערלעך, הייסט עס, קריכען דורך די לעערקייט (וואקואום) אלס קליינינקע פיצענאָציקע טהיילכעלעך פון שטאָף. און אזוי ווי די אסטראָנאָמישע חשבונות קומען אויס ריכטיג אָהן אמעדיום, האָט ניוטאָן אליין זיך איינגעוואָהנט צו דענקען, אז די וויר־קונג פון שטאָף איינע אויף די אנדערע פון דער־ווייטען, וואָלט מעגליך געווען אָהן וועלכען עס איז א מעכאניזם אלס אמעדיום.

אָבער זינט ניוטאָן' זיינען דיא טהעאָריען וועגען דיא ערשיינונגען פון ליכט אין גאנצען פערענדערט געוואָרען. יונג האָט בעוויזען מאַ־טהעמאטיש און דורך עקספערימענטען אז ליכט בעשטעהט ניט פון טהיילכעלעך פון שטאָף, נאָר פון וועללען, וועלכע פאנגען זיך אָן ביים מקור פון ליכט און ווערען אריבערגעטראָגען ביז צו אונזערע אויגען. אין דיא זאָגענאנטע וועללען־בעוועגונג איז יעצט דיא אָנגענומענע טהעאָריע אין דער וויסענשאפט פיר דיא ערקלעהרונג פון ליכט.

דיא וועללען־טהעאָריע בעשטעהט בקיצור אין פאָלגענדעס: ווען א בעוועגליכע זאך, וויא צ. ב. וואסער, לופט אָדער אַן אָנגעצויגענע סטרונע ווערט דורך וועלכע עס איז א אורזאכע אויפגעטרייסעלט, דאן הייבען אָן דיא איינצעלנע טהיילכעלעך זיך צו בעוועגען און מיר בעקומען א וועללע, א כוואלע. דיזע וועללען בעוועגען זיך אין א בעוואוסטען סדר, נאָך בעשטימטע געזע־צען. וועגען דיא געזעצען קענען מיר דאָ ניט מאריך זיין, אָבער א קורצען איבערבליק איבער דיא פערשיעדענע פאָרמען און ריכטונגען פון דיא וועללען מוזען מיר דאָ געבען.

דיא רוהע פון יעדער קערפער, אפילו פון דעם בעוועגליכסטען, קען צושטערט ווערען נור דורך וועלכע עס איז א זייטיגע קראפט. דיא וועללע וואָס ווערט דורך דעם ארויסגערופען געהט דאן אוועק ווייטער פון דעם פונקט וואו דיא קראפט ווירקט. דיא ליניע אין דער ריכטונג וואָהין דיא וועללע ציהט זיך הייסט פערשפריי־טונגס־ליניע פראָפאגאציאָנס ליניע). אָבער דאָ קומט נאָך א ערשיינונג: דיא גאנצע וועללע ציהט זיך נאָך א בעשטימטער ריכטונג אין א געוויסער ליניע, אָבער אזוי וויא דער שטאָף איז דאָך, וויא מיר האָבען געזעהן, א בעוועגליכער, קומט פאר, אז דיא איינצעלנע טהיילכעלעך פון יענעם שטאָף קענען זיך בעוועגען צו דערזעל־בער צייט אין א גאנץ אנדערע ריכטונג, ניט נאָך דער ליניע וואָהין דיא וועללע ציהט זיך.

אָט דיא בעציהונג צווישען דיא צוויי סאָר־טען בעוועגונגען דיענט אלס פונדאמענט פאר דיא איינטהיילונג פון דיא וועללען אין דריי קלאַ־סען. עס זיינען פאראנען ערשטענס קווער וועללען (קווער בעדייט אין דער ברייט), ד. ה. אזוינע וועללען אין וועלכע דיא איינצעלנע טהיילכעלעך פון שטאָף בעוועגען זיך אין א ריכ־טונג אין דער ברייט (פערפענדיקולאר) צו דער ליניע, וואָהין די וועללען ווערן געטריבען. עס זיינען פאראנען צווייטענס ליינג־וועללען. דיא טהיילכעלעך בעוועגען זיך דאָרט אין דער לייננ נאָך דערזעלבער ריכטונג ווי די וועללע אליין. דריטענס זיינען פאראנען קרייז־וועללען, דיא איינצעלנע טהיילכעלעך בעוועגען זיך דאָרט אין קרייזען (כעוגל) נאָך דערזעלבער ריכטונג ווי די וועללע.

דיא וועללען בעוועגונג פון דיא ליכט־שטראהלען איז פון ערשטען זאָרט. דיא טהייל־כעלעך פון עטהער (עפיר), וועלכע עס שאפען דיא ליכט וועללען, בעוועגען זיך אין דער ברייט נאָך דער ליניע, וועלכע דיא ליכט שטראהל געהט ד. ה. פון דער זונן צו אונזער אויג. דיא אויפ־טרייסלונג פון דער לופט (וויבראציאָן) דורך וועלכע קלאנגען דערגעהן צו אונזער אויער רופט ארויס דיא צווייטע זאָרט וועללען, ווייל דיא לופט־טהיילכעלעך בעוועגען זיך און שטופען איי־נע דיא אנדערע אין דער לייננ. און וואסער־וועללען (כוואלעס) ווייזען אונז דעם ביישפיעל פון די קרייז וועללען. אין דער צייט וואָס דיא וועללע שטעלט פאָר פלאכען קרייז אויפ'ן וואַ־סער, דרעהען זיך איהרע קליינע טהיילכעלעך ווי רינגען אין דער פינף.

דיא ערשטע און דריטע זאָרטען וועללען (דיא קווער וועללען און דיא קרייז וועללען) בע־שטעהען פון צוויי טהיילען: איין טהייל הייבט זיך אויף העכער וויא דיא אויבערפלעכע פון דעם שטאָף אין רוהיגען צושטאנד, דאָס רופט מען דעם בערגיל. דער צווייטער טהייל לאָזט זיך אראָב נידריגער, דאָס איז דער טהאָל. וויא מיר זעהען עס אויף צייכנונג 1.



א וועלע

אין קלאַנג וועללען האָבען מיר אנשטאַט בארג און טהאַל געדיכטערע און שיטערע לופט. אין איין האַלבע פון דער וועללע דריקען זיך דיא טהיילכעלעך פון דער לופט צוזאַמען און ווערן געדיכטער, און דער אנדערער האַלבער ווערען זיי שיטערער וויא אין געוועהנליכען צושטאַנד. ווען 2 אָדער מעהר וועללען פון זעלבען זאָרט קומט אוים צו ליגען איינע איבער די אַנדערע אזוי, אַז דער בערגעל פון איין וועללע ליגט אויף דעם טהאָל פון דער 2טער און דער טהאָל פון הער צווייטער אויף דעם בערגעל פון דער ערשטער, דאַן איז דער רעזולטאַט דאָס די בערגלעך און טהאָלען פון ביידע וועללען צושטערן איינע די אנדערע אזוי דאָס עס איז מעהר ניטאָ קיין וועללע (צייכנונג 2). פונקט דיזעלבע ערשיינונג

איז פאַראַן עפּעס אַ פּערמיטלונג (מעדיום), וועלכע קען זיך בעוועגען אין וועללען. און דיזען מעדיום האָט מען אַ נאָמען געגעבען עטהער.

דיא זונן איז נאָר דריי און ניינציג מיליאָן מייל ווייט פון דער ערד, און איהר ליכט קומט אָן צו אונז אין אַ משך פון עטוואָס מעהר וויא אַכט מינוטען. אָבער דיא מייסטען פון דיא פּלאַנעטען זיינען הונדערטע מיליאָנען און מאַנכע פון זיי טויזענדע מיליאָנען מייליען ווייט פון אונז, און דיא ליכט פון זיי דערגרייכט צו אונז אויף דער ערד גראַדע וויא פון דער זונן. אַלזאָ מוז דאָך זיין אַז דער עטהער איז פאַרהאַנדען אומעטום אין דער גאַנצער שטרעקע פון דער זוננען סיסטעם פון וועלכער דער דיאַמעטער (דעם מיטען דורכשניידענדע ליניע) איז זעקס

צוויי וועללען איינע אויף דיא אנדערע.

האָט מען בעמערקט אויך ביי דיא ליכט-שטראַהלען; עס איז בעוויזען געוואָרען אַז צוויי שטראַהלען פון ליכט קענען געבראַכט ווערען נאָכצופאָלגען איינער דעם צווייטען אויף אַזאַ אופן, אַז זיי וועלען פערניכטען איינער דעם אַנדערן און קיין ליכט וועט פון ביידע ניט שיינען; און דאָס איז מעגליך צו ערקלעהרען נאָר מיט דער טהעאָריע פון דיא וועללען-בעוועגונג. נאָך דער אויבענדערמאָנטער טהעאָריע פון ניוטאָן אָבער, וועלכער רעכענט אַז עס זיינען דאָ אזוינע קערפּער טהיילכעלעך וואָס דערגעהן צו אונז אַלס ליכט-שטראַהלען, וואָלט קיינמאָל אין דער וועלט ניט מעגליך געווען, אַז וועלכע עס ניט איז טהיילכעלעך פון שטאָף זאָלען קענען פערניכטען איינע די אנדערע, נאָר וויל זיי זיינען אוועקגעשטעלט אין איין געוויסער לאַגע איינער צום צווייטען.

דיא פערשידענע וועללען ווערען געמאָסטען נאָך זייער וועללען-ליינג; דיא ליינג פון אַ וועללע רופט זיך אָן דיא שטרעקע פון איין בערגעל צום צווייטען אָדער פון איין טהאָל צום צווייטען אין דער וועללע (פון א' ביז ב', אָדער פון 1 ביז 2 אין דער צייכנונג 1). דיא ליינג פון דיא ליכט שטראַהלען זיינען געמאָסטען געוואָרען דורך פיעלע וויסענשאַפטס מענער אין אַלע וועלט טהיילען, און אַלע שטימען איין אין דיא רעזולטאַטען פון זייער מעסטען, אַז ליכט קען ערקלעהרט ווערען נאָר דורך דיא וועללען-בעוועגונג.

וויא באַלד עס איז דאָ אַ בעוועגונג פון וועללען, פערשטעהט זיך אַז עס מוז דאָך זיין עטוואָס וואָס בעוועגט זיך. מען קען דאָך ניט אַרויסרופען וועללען וואו עס איז קיין זאַך ניט פאַרהאַנדען. דאַריבער זיינען מיר געצוואונגען אָנצונעהמען אַז צווישען דער זונן און דער ערד

טויזענד מיליאָן מייל. דורכצוגעהן דיזע שטרעקע געוועהרט ביי דער ליכט ניין שטונדען און זיי לויפען מיט דער שנעלקייט פון 186 טויזענד מייל אין אַ סעקונדע. דאַן זיינען נאָך דאָ דיא שטערן וואָס זיינען הינטער אונזער זונען סיסטעם, פון וועלכע דער נעהענטסטער צו אונז איז אַזוי ווייט, אַז עס געדויערט 3½ יאָהר ביז דאָס ליכט פון איהם קומט אָן צו אונז, און מאַנכע פון זיי זיינען אַזוי ווייט, אַז עס געוועהרט טויזענדער יאָהרען ביז זייער ליכט דערגרייכט צו אונזער ערד. דאָס ליכט וואָס מיר זעהען פון זיי יעצט, איז אַרויסגעגאַנגען פון זיי אין דער ווייטער פערגאַנגענהייט, איידער דיא עגיפּטישע פּיראַמידען זיינען געבויט געוואָרען און פיעלייכט פון וועלטען וואָס האָבען שוין ביז יעצט אויפגעהערט צו עקזיסטירען, כאָטש דאָס ליכט וואָס זיי האָבען אַרויסגעגעבען שיינט פאַר אונז יעצט. עס וועט גאָר קיין גוזמא ניט זיין צו זאָגען אַז דער אוניווערזום (אַלל-וועלט), וועלכען מיר קענען זעהען איז אַזוי גרויס אַז ליכט דאַרף נעהמען צעהן טויזענד יאָהר דורכצולויפען זיין דיאַמעטער, און מיר האָבען ניט קיין סברא אָבצושטעלען זיך דערביי און זאָגען אַז נאָר דאָ וואו מיר קענען זעהען איז דער גרעניץ; אַלזאָ מוזען מיר קומען צום בעשלוס אַז דער עטהער פּיללט אָן דעם גאַנצען אוניווערזום.

אַז דיא פערמיטלונג (מעדיום) אין'ם רוים איז ניט דיא לופט קענען מיר אויפווייזען לייכט מיט פאָלגענדע פאַקטען : דיא אַטמאָספּערא (לופט) אַרום אונזער ערד פערנעהמט זעהר אַ

קליינע שטרעקע אין פערגלייך מיט'ן רוים צווישען דיא שטערען. אויף דיא ווייטקייט פון נאָר איין הונדערט מייל הויך פון דער ערד איז שוין דיא לופט, וועלכע באשטעהט נאָהענט צו דער ערד פון אונצעהליגע מיליאָנען טהיילכעלעך (מאָלאָקולען) אזוי דין אז עס קען אויסקומען איין מאָלאָקול אויף א קוביק פוס. און ביי 200 מייל ווייט פון דער ערד איז קיין לופט גאָר ניטאָ. עס איז אלזאָ אונמעגליך, אז דיא לופט זאָל זיין דיא טרעגערין פון ליכט אויף אזעלכע אונגעהייערע שטרעקעס וויא פון דער זונן און אנדערע שטערען. נאָך א פאקט: מיר ווייסען אז אין א וויס־גליהענדער עלעקטרישער לאָמפ (וועלכע בעשטעהט פון א דינעם קוילען־פעדימעל און א קולבע, פון וועלכע די לופט איז אויסגעפּאָמפּעט) קומט דיא ליכט צו צום קולבע אָהן דיא פערמיטלונג פון לופט. אין אמת'ן איז וואָס פאָלקאָמענער דער וואקואום, ד. ה. וואָס בעסער דיא לופט איז אויסגעפּאָמפּעט געוואָרען, אלץ פרייער וועט דאָס ליכט דורכגעהן פון'ם קוילען־פאָדעם צום גלאָז וואָס רינגעלט איהר ארום. דאָס בעווייזט שליסליך, אז דער מעדיום דורך וועלכען דאָס ליכט ווערט געטראָגען איז ניט דיא לופט.

מיר האָבען אלזאָ אויפגעוויזען, אז עס עקזיסטירט איין אלל־וועלטליכער (אוניווערסאלער) מעדיום (פערמיטלונג) און אין אונזער נעקסטען ארטיקעל וועלען מיר בעשפּרעכען אין וואָס עס בעשטעהט די ווירקונג פון דיזען מעדיום. דאָ וועלען מיר נאָר זאָגען דערווייל אז מיט דיזען מעדיום, מיט דעם עטהער אלס א מעכאניזמוס, ווערען כמעט אלע פיזישע ערשיינונגען פון דער נאַטור ריכטיג ערקלעהרט.

איך קען פאָראויס זעהען אז פיעלע לעזער וועלען גלייך פרעגען דיא קשיא: וואָס איז אָבער בכלל דיא נוטץ פון דיזע אלע טהעאָריען? ווייסען מיר דען ניט אז דיא טהעאָריען פון פיזיק האָבען זיך שטענדיג געביטען און כמעט מיט יעדען נייעם דור האָבען מיר געהאט נייע טהעאָריען? אויב צוליעב דיא נוצען פיר'ן מענשליכען פּראָגרעס, איז דען ניט גענוג אז מיר זאָלען שטודירען דיא אויסגעפּרובירטע פאקטען (עקספּערימענטען) און אויסנוצען זייערע רעזולטאַטען אין נייע ערפינדונגען פיר דיא פערבעסערונג פון אונזערע אומשטענדען?

צו געבען א פאָלקאָמענעם ענטפער דערויף וואָלט זיין צו לאַנג. דאָ וועלען מיר נאָר זאָגען אין קורצען: ערשטענס, אז מיר וואָלטען ניט געהאט קיינע פּרוכטבארע עקספּערימענטען, ניט האָבענדיג דיא טהעאָריען פיר א וועג־ווייזער צו זיי. צווייטענס, אז דער הויפּט צוועק פון דיא טהעאָריען פון וויסענשאפט בעשטעהט ניט אין דיא ערפינדונגען אָדער אנווענדונגען צו וועלכע עס איז נוטצען, זאָנדערן אין אידעען. דיזע אידעען האָבען געהאט דיא גרעסטע ווירקונג אויף דיא מענשליכע ציוויליזאציאָן, זיי האָבען רעוואָלוציאָנירט דיא אידעען פון רעליגיאָן און האָבען אונז געגעבען א ריכטיגערען, שכל'דיגען בליק אויף אונזער אָרט און די ראָלע וואָס מיר שפּיעלען אין דער נאַטור. דריטענס, דיא טהעאָריען ערוועקען דיא פאָרשטעלונגסקראפט, דעם כח הדמון. מיט זעהר ווייניג אויסנאהמען זיינען קיין גרויסע וויסענשאפטליכע ענטדעקונגען ניט געמאכט געוואָרען פון געלעהרטע, וועלכע בעזיצען נאָר א קאטאלאָג פון פאקטען. דיא זאָגענאַנטע געזעצען דער נאַטור האָבען געקענט ווערען אָנגעוויזען דורך עקספּערימענטען, אָבער זייער פוללע בעדייטונג בעקומען זיי נאָר פון טהעאָרעטישע אידעען, וועלכע זיינען דיא פרוכט פון איין ערהאבענער פאָרשטעלונג־קראפט. נאָר מיט דער פאָרשטעלונגסקראפט זיינען מיר פעהיג אויסצודריקען אין קורצע כללים (פאָרמולאָס) דיא אונגעהייער קאָמפּליצירטע ערשיינונגען אין דער נאַטור און עס זיינען עס אויך די טהעאָריען, וועלכע קענען צופרידען שטעלען אונזערע עסטהעטישע און ארטיסטישע געפיהלען. פיערטענס, קיין אלטע טהעאָריע איז ניט געווען אבסאָלוט נוצלאָז. זיא האָט געדיענט איהר צוועק אין איהר צייט און האָט אויסגעטראָטען דעם וועג צו א נייער, ריכטיגערער, שכל'דיגערער טהעאָריע. גראדע אָט דאָס וואָס דיא וויסענשאפטליכע טהעאָריען בייטען זיך אזוי, בעווייזט זייער לעבהאפטיגקייט און פּראָגרעס, און דער פאקט אז אין דיא נייע טהעאָריען איז אימער דאָ „עטוואס“ פערבליבען פון דיא אלטע, בעווייזט אז אין גרונד גענומען האָבען זיי אלע איין שטענדיגע, אונווידערשפּרעכענדע וואהרהייט פיר זייער פונדאמענט. דיזער „עטוואס“ ווערט גלייך אנערקענט פון דעם מאטהעמאטיקער אין דיא נאָהענטע עהנליכקייט פון דיא פונדאמענטאלע, ריכטיגע און ערשעפּפענדע עקרים פון דער וועלט־טהעאָריע (דיפערענציאלע גלייכונגען) צווישען דיא אלטע טהעאָריען מיט דיא פון דער מאָדערנער וויסענשאפט. דיזע דיפערענציאלע גלייכונגען ווערען אָנגעווענדעט פאָראויסצוזאָגען נייע און אָפּטמאָהל וואונדערבאַרע פאסירונגען אין דער נאַטור. וויא אזוי קומט עס דאָס דער מענשליכער פערשטאנד, געלייטעט פון זיינע אייגענע קאָנ־

ווענציאָנעלע, פון איהם אליין געמאכטע; כללים זאָל קענען צוטרעפען אמאָל פונקט אין רעכטען צענטער פון דער נאטור? — דאָס איז זעהר א שווערע פראגע. עס זעהט אוים אמאָהל וויא עס וואָלט זיין ריכטיג שילערס פּאָעטישע ווענדונג צו הערשעל, ווען יענער האָט ענטדעקט דעם קאָמעט אוראנוס, נאָכדעם ווי ער האָט פאָראוים געהאט אויסגערעכענט זיין עקזיסטענץ:

„מיט דעם זשעניע שטעהט דיא נאטור
אין אייביגען בונד,
„וואָס דער פערשפּרעכט, פיהרט דיא אנ־
דערע געווים אוים.

ארבייטער בעוועגונג און סאציאל דעמאקראטי אין דער שווייץ

פון א. מירקין.

3. דאָס רעכט אויף ארבייט און פראָפּאָרץ־וואהלען.

דורך דעם אריבערגאנג פון דעם גרויסען, פּאָפּולערן גריטלי פעראיין צום סאָציאליזמוס, האָט דיא סאָציאל־דעמאָקראטישע פּארטיי מיט א מאָל בעקומען פיעל נייע כחות און פרישע ענערגיע. און מיר זעהען איהר שוין אין נעכסטען יאָהר אויפהויבענדיג א גרויסע אגיטאציאָנס ארבייט. אין יענעם יאָהר (1894) האָט דיא פּארטיי דערלאנגט א פּעטיציאָן מיט 52,387 אונטערשריפטען, וועלכע פערלאנגט, אז מען זאָל פּאָרלעגען דעם פאָלק אויפצונעהמען „דאָס רעכט אויף ארבייט" אין דיא קאָנסטיטוציאָן. וואָס דיא פּארטיי האָט פערשטאנען אונטער דעם, לעזען מיר אין דעם „גריטליאנער" 1894: „...מיר ווילען, דיא רעגיערונג זאָל פערשאפען יעדען בירגער ארבייט, ווי ווייט עס איז מעגליך" ד. ה. וויא ווייט עס איז מעגליך אין א קאפּיטאליסטישער אָרדנונג. דיא רעגיערונג זאָל מעהר נעהמען צום הארצען דיא לאגע פון דיא ארבייטסלאָזע, דען פון יאָהר צו יאָהר ווערט דיא רעזערוונע ארמעע גרעסער, און דיא קאפּיטאליסטען טהוען אלס וואָס זיי קענען, אום נאָך צו פערגרעסערן דיזע ארמעע. אנשטאָט צו געבען ארבייט שווייצארישע ארבייטער, ברייגגען זיי אראָפּ ארבייטער פון איטאליען, ווייל דיא זיינען ביליגער. ביי זיך אין דער פרייער שווייץ, אין דעם „טייערן פּאָטערלאנד" געהט דער ארבייטער ארום אָהן ארבייט און דארף צוזעהען, וויא פרעמדע ארבייטען און ער דארף דארבען מיט זיין פאמיליע. דער כעס געגען אזוינע צושטענדע האָט זיך ביי אונאָרגאניזירטע ארבייטער אויסגעלאָזען אין בערן אין א גרויסע שלעגעריי, אים יאָהר 1813, מען האָט גענומען שלאָגען דיא איטאליענישע ארבייטער און דיא פּאָליציי. דיא בערנער בורזשואזי האָט געמיינט, אז אָט איז שוין געקומען דיא סאָציאלע רעוואָלוציאָן, צום גליק זיינען געקומען דראגונער און האָבען נידערגעשלאָגען דיא סאָציאלע רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט געוואָלט שלאָגען די בורזשואזי א. ז. וו. — אָט ווען מען וואָלט אויפנעהמען דאָס רעכט אויף ארבייט אין דיא קאָנסטיטוציאָן, וועט צ. ב. דיא רעגיערונג זעהען פועל'ן ביי דיא קאפּיטאליסטען, אז זיי זאָלען געבען ארבייט שווייצארישע ארבייטער.

דיא בורזשואזי איז געוואָרען אויסער זיך. דער בייטעל, געוואלד, דער בייטעל, איז אין געפאהר! וואו נעמט מען ביליגע ארבייטער, אויב עס איז ניטאָ קיין רעזערוונע ארמעע, אויב מען קען ניט ברייגגען קיין ביליגע הענד פון איטאליען, זיד־דייטשלאנד און אנדערע ערטער! היינט שמעקט דען ניט „דאָס רעכט אויף ארבייט" מיט נאציאָנאל־ווערקשטאטען, בארריקאדען, אזוי וויא אין פראנקרייך אין 1848! ניין, און נאָך א מאָל ניין, „דאָס רעכט אויף ארבייט" איז נאָר א תירוץ, כדי צו מאכען א רעוואָלוציאָן און איינפיהרען דיא סאָציאליסטישע אָרדנונג... דיא פרייזיננינגע פּארטיי, זאָגט איינער פון איהרע פיהרערס אויף איהר פּארטיי טאָג, — מוז זיין געגען דעם אלס היטערען פון אייגענטהום און פאמיליע.

דעם קליין־בויער, דעם קליין־בירגער האָט מען גע'דרש'ענט: „אויב זיי —, דיא סאָציאליסטען הייסט עס — וועלען אויספיהרען „זייערס", וועלען מיר דארפען אויסהאלטען יעדען בטלן, קיינער וועט ניט וועלען ארבייטען, מיר וועלען ניט טאָרען אָבזאָגען א שלעכטען ארבייטער א. ז. וו. אלזאָ, רבותי, זעהט דערלאָזט ניט דאצו.

דיא סאָציאל־דעמאָקראטען האָבען געטהאָן אלץ וואָס זיי האָבען נאָר געקענט, אום צו ער־

קלערען דעם פאלק, וואס זיי ווילען: „מיר ווי־לען — זאגען זיי אין א פראקלאמאציאן — אז 1) עס זאל געזארגט ווערען אז עס זאל זיין ארבייט גענוג דורך צוועקמעסיגע פערקירצונג פון דער ארבייטס־צייט. 2) זאל מען שיצען דיא ארבייטער געגען ענטלאסונג אהן א גערעכטע אורזאכע. 3) זאל מען איינפיהרען א פערזיכערונג פאר דיא צייט פון ארבייטסלאזיגקייט. 4) זאל מען שיצען דאס רעכט פון דיא ארבייטער צו בילדען פעראיינען, ניט נאר דער ארבייטער, אויך דער קליינבויער, וועלכער מוז זוכען ארבייט כדי אויסצוקומען מיט זיין פאמיליע און בעצאהלען זיינע צינזען, אויך דער קליינמייסטער, וואס איז א האלבער פראלעטאריער, אלע דארפען זיי פאדערען דאס רעכט אויף ארבייט".

דעם 3טען יוני האט דאס פאלק געשטימט וועגען דעם און דאס געזעץ איז דורכגעפאלען מיט 287,000 „ניין" געגען 70,000 „יא".

דיא סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי האט געוואוסט פריהער, אז דאס געזעץ וועט דורכפאלען. פערקעהרט. זיא האט זאגאר ניט גערעכענט, אז אזוי פיעל זאלען שטימען פאר איהר פאדערונג. דאס מאכט דאך מעהר וויא איין צעהנטעל פון אלע בירגער, וואס האבען דאס רעכט צו שטימען! על פי יושר האט זיא געדארפט אלזא האבען אונגעפעהר 19 דעפוטאטען אין דעם פארלאמענט און זיא האט מעהר ניט געהאט וויא איינעם און דיא פארטיי איז געקומען צום געדאנק וועגען פראפארץ־וואהלען.

ווען יעדע פארטיי האט אזוי פיעל מאל מעהר דעפוטאטען וויא פיעל מאל שטימען זיא האט מעהר איידער דיא אנדערע, הייסט דאס פראפארץ־וואהל. ווען צ. ב. אין א וואהל־קרייז איז דא 50,000 שטימפעהיגע בירגער, וועלכע געהערען צו 3 פארטייען: פרייזינניגע 25,000, קאנסערוואטיווע 15,000 און ס—ד 10,000 און ווען דער וואהל־קרייז קען שיקען 10 דעפוטאטען אין פארלאמענט, דארף די ערשטע פארטיי קריעגען 5, דיא צווייטע — 3 און דיא 3טע 2 מאנדאטען. נאך דעם הערשענדען סיסטעם אבער נעהמט צו דיא פארטיי, וואס האט מעהר שטימען איידער דיא אנדערע, דיא פרייזינניגע, אלע 10 מאנדאטען פאר זיך. נאטירליך, ניט אין אלע וואהל־קרייזען האט דיא פרייזינניגע דיא מייסטען שטימען; אין אנדערע זיינען דיא קאנסערוואטיווע דיא שטארקסטע, אין אנדערע פערבינדען זיך דיא מינדערהייטס פארטייען צוזאמען. אבער סוף כל סוף האט דיא שטארקסטע פארטיי בסך הכל דעם גרעסטען נוצען פון אזא מין סיסטעם, פון מאיאריטעט־סיסטעם; פיר דיא קליינע פארטייען איז בעסער דער פראפארץ־סיסטעם, וועלכע איז דיא פיעל מאנדאטען, וויפיעל זיא פערדיענט לויט גערעכטערע, דען זיא גיט יעדער פארטיי אזוי דעם צאהל פון איהרע שטימען.

דיא פאדערונג פון דער פראפארץ־וואהל איז געשטאנען אויף דער פראגראם פון דער שווייצארישער סאציאל־דעמאקראטיע, זינט זיא איז געגרינדעט געווארען. די ווינציגע פראקטישע ערפאלגען איהרע האבען איהר אבער לאנג ניט געגעבען דעם מוטה צו אנהויבען אן אגיטאציאן פאר דיזע פאדערונג. און ערשט אין יאהר 1900 איז דיא פארטיי געקומען דערצו דאס דיא פראגע וועגען פראפארץ־וואהל, צוזאמען מיט דער פראגע וועגען דיא וואהל פון בונדעסראטה (דיא העכסטע עקזעקוטיוו פון דער שווייצארישער רעגירונג) דירעקט דורכ'ן פאלק צו בריינגען צו א פאלקס־אבשטימונג.

דיא פרייזינניגע פארטיי האט גלייך אנגעהויבען אן ענערגישע קאנטר־אגיטאציאן גע־גען איבער אלעם אויסצופועל'ן, אז דיזער גע־גען איבער אלעם אויסצופועל'ן, אז דיזעס געזעץ זאל דורכפאלען. נאך דעם פראפארץ האט דיא סאציאל־דעמאקראטיע געדארפט קריעגען אין יאהר 1896 10 דעפוטאטען אנשטאט 2. אויך די אנדערע מינדערהייטס פארטייען קאנסערוואטיווע און אנדערע וואלטען געקריעגען מעהר בעדייטונג און אלע צוזאמען וואלטען זיי געבילדעט א שטארקע אפפאזיציאן, וועלכע וואלט געווארען זעהר אונבעקוועם פאר דיא הערשענדע פרייזינניגע.

אין 1902 זיינען אריין אין פארלאמענט: 96 ראדיקאל־דעמאקראטישע, 23 ליבעראל־דעמאקראטישע־צענטר, אלזא צוזאמען פרייזינניגע 119, 35 קאטוליש־קאנסערוואטיווע, 7 סאציאל־דעמאקראטען און דיא איבעריגע 7—6 האבען געהערט צו אנדערע קליינינקע פארטייען: כריסטליך־סאציאלע און דעם גלייכען. ביי דער פראפארץ וואלטען דיא פרייזינניגע ניט געהאט אזא שטארקע מעהרהייט. דער פראפארץ איז איינגעפיהרט געווארען אין פילע קאנטאנאלע און שטעדטישע געזעטצגעבענדע קערפער טראץ דער אפפאזיציאן פון דיא פרייזינניגע, וועלכע האבען אבער סוף כל סוף געמוזט מודה זיין, אז „גם זו לטובה" „דען ניט ווייט איז דיא צייט, האט געשריעבען א קאנסערוואטיווע בלאט, — וואס דיא פרייזינניגע וועלען זיין דאנקבאר דיא קאנסערוואטיווען, וועלכע זיינען איינגעשטאנען פיר דעם פראפארץ".

אין דער נאציאנאלער פערזאמלונג וואלטען דיא סאציאל דעמאקראטען אפילו ביי דעם פראפארץ נאך לאנגע ניט געווען א מאכט, וועלכע וואלט געקענט זיין אן ערנסטע געפאהר פיר דיא ליבעראלען, אזוי לאנג וויא דיא שווייץ

איז נאָך קליינבירגערליך. דיא פּרייזיננינגע וואָלטען זייער הערשענדע שטעלע סאַי וויא סאַי נאָך ניט פערלאָרען. אָבער האָט זיך שוין א הערשענדע פּאַרטיי פּריוויליג אָבגעזאָגט פון איהרע פּריווילעגיעס? און דיא פּרייזיננינגע האָבען געבראַכט דעם געזעץ צום דורכפאַל.

דאָס צווייטע געזעץ האָט שוין געהאַט א קלענערע בעדייטונג פיר דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען: דער בונדעסראַטה האָט געזאָלט ווערען אויסגעקליעבען ניט דורך דעם פּאַרלאַמענט, נור דורך דאָס פאָלק. אזוי ווי די ליבעראַלען האָבען דיא מעהרהייט אין דעם פּאַרלאַמענט, איז עס נאַטירליך, אז פון 7 בונדעסרעטען געהערט צו זיי 6. כאָטש דיא סאָציאַל דעמאָקראַטען האָבען געהאַט א שוואַכע האָפנונג אז איינער פון זיי זאָל קענען אריין אין דעם בונדעסראַט — ניט נאָר צוליעב זייער שוואַכקייט, נאָר אויך וועיל א גרויסער טהייל פון זיי איז געגען דאָס אַנטהיילנעהמען אין דער רעגיערונג — איז דאָך געווען זעהר וויכטיג צו מאַכען אבהענגיג דעם בונדעסראַט פון דעם פאָלק, אויף וועלכען זיי האָבען א סך גרעסערען אייינפלוס, וויא אויף דעם פּאַרלאַמענט.

ביידע געזעצען זיינען דורכגעפאַלען דעם 4טען יוני 1900. דיא פּרייזיננינגע האָבען ווידער בעוויזען זייער „מאָראַלישע“ מאַכט איבער דעם פאָלק. דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט פערלאָרען דיא האָפנונג ארויסקריעגען דורך דעם פּראָפּאָרץ פון איהרע אונבעדייטענקייט; דורך זיך אליין האָט זיא געדאַרפט קריגען דיא מאַכט דאַצו. ערשט אז איהרע איננערליכע ענטוויקלונג און דיא ענטוויקלונג דער פּראָדוקציאָנס פערהעלטניסע וועלען איהר מאַכען צו א שטאַרקע פּאַרטיי, וועלען איהר פערשאַפען איינפלוס אויף דיא מאַססען, וועלען איהר מאַכען צו א וויכטיגען מאַכט־פאַקטאָר, ערשט דאַן וועט זיא קענען ארויסרייסען ביי דיא הערשענדע קלאַסען דעם פּראָפּאָרץ. ניט דורך דעם פּראָפּאָרץ קענען זיי ווערען א שטאַרקע פּאַרטיי, נאָר, אומגעקעהרט, דאַדורך, וואָס זיא ווערט שטאַרק, וועט זיא קריעגען אויך דעם פּראָפּאָרץ.

4. פּאַרטיי און געווערקשאַפטען.

דיא קאַפּיטאַליסטען האָבען זייער קאַמפּף מיט דיא ארבייטער אָנגעפיהרט מיט אַלע מיטלען פון ברוטאַליטעט און בייזקייט. זיי האָבען געטראָטען מיט דיא פיס דיא עלעמענטאַרסטע רעכטע; ארבייטער, וואָס האָבען געהערט צו א געווערקשאַפט, האָט מען אָהן שום קונצען ארויסגעיאָגט; האָט איינער געוואָלט אנקומען אין א פאַבריק, האָט ער געמוזט געבען א תקיעת־כף, אז ער געהערט ניט, האָט ניט געהערט און וועט ניט געהערען צו קיין שום אָרגאַניזאַציאָן, סאַי עקאָנאָמישע, סאַי פּאָליטישע. דיא פרעכהייט פון דער קאַפּיטאַליסטען־קלאַססע איז געוואָרען אזוי גרויס, אז דער פּאַרלאַמענט איז געווען געצוואונגען זיך צו פערפּפליכטען אין 1894 ארויסצוגעבען א געזעץ, וואָס זאָל גאַראַנטירען דיא פרייהייט פון דיא פעראיינען.

ביז יעטצט, ד. ה. ביז 1906 האָט זיא איהר וואָרט נאָך ניט ערפילט: זיא איז פערטהון מיט א אנדערע זאַך, וויא צו גאַראַנטירען דיא פרייהייט — דער ארבייט, ד. ה. פון דיא „ארבייטס־וויליגע“. אויף אונזער לשון סטרייק־ברעכער.

פון דעם פּאַרלאַמענט האָט מען געהאַט ווענינג צו האָפען. פון דעם יאָהר 1877, אין וועלכען מען האָט איינגעפיהרט דעם 11־שטונדיגען נאָרמאַל־ארבייטס־טאָג, האָט דיא רעגיערונג גאָר ניט געטהאָן אום צו פערבעסערען אויף דעם וועג פון געזעץ דיא לאַגע פון דיא ארבייטער. נאָר א שטאַרקע סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז אימשטאַנד צו פערטהיידיגען דיא אינטערעסען פון דיא ארבייטער און שטאַרק קען דיא פּאַרטיי ווערען, ווען זיא וועט זיין צענטראַליזירט, ווען זיא וועט זיך פעראייניגען מיט דעם „גריטלי,“ ווען עס וועט זיין מעהר איינינגקייט, מעהר דיסציפּלין צווישען דיא קאָנטאָנאַלע פּאַרטייען.

אין 1896 יאָהר האָט דיא פּאַרטיי אריינגעבראַכט 2 דעפּוטאַטען: צו שוואַך, אום צו בילדען א בעזונדערע פראַקציאָן, האָבען זיי צוזאַמען מיט איינינגע בירגערליכע ראַדיקאַלע דעמאָקראַטען געבילדעט א סאָציאַל־פּאָליטישע גרופּפּע.

צווישען דיא ארבייטער־מאַססען איז דיא אָפּאָזיציאָן געגען א פעסטער צוזאַמענשלוס נאָך געווען שטאַרק; דער „גריטלי“ האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט צו טהון דעם לעטצטען שריט: זיך צו פעראייניגען ניט נור פּרינציפּיעל, נאָר אויך אין אָרגאַניזאַציאָן מיט דער ס. ד. פּ. מען האָט געמיינט, אז מען קען זיין גוטע סאָציאַל־דעמאָקראַטען און זיך ניט אָבזאָגען פון דיא אַלטע נאַציאָנאַלע טראַדיציאָנען, איבערהויפּט איז א גרויסער טהייל פון דער שווייצערישער ס. ד. געווען זעהר פריעדליך, רוהיג, אידעאַליש. עס איז זיי צ. ב. נישט איינגעפאַלען אין קאָפּ צו פּראָטעסטירען געגען דיא אויסגאַבען אויף דעם מיליטאַריזמוס, וואָס וואַקסען פון יאָהר צו יאָהר; נאָר ווענינגע האָבען דאַמאַלס געפאָדערט מעהר ענערגיע אין דעם ענין, דען, האָבען זיי געזאָגט, „עס איז א אונזינן פיר אונזער קליינעם לאַנד אויסגעבען יעדעס יאָהר אויף מיליטאַריזמוס 40.000.000 פראַנק“.

אויף דעם פארטיי־טאג פון יאהר 1898 האט מען צום ערשטען מאל פארגעלעגט דעם פראיעקט פון א רעארגאניזאציאן פון דער פארטיי. דער „גריטלי“, דער „געווערקשאפטס־בונד“ (דער בונד פון אלע פראפעסיאנעלע ארגאניזאציאנען) און אלע פעראיינען, וואס געהערען ניט צו דיא ערשטע 2 זאלען בילדען דיא נייע פארטיי. דער פראיעקט האט אבער געהאט ווייניג גליק; דער „גריטלי“ האט געזאגט, אז עס איז נאך צו פריה; צוערשט מוזען זיך ענטוויקלען דיא קאנטאנאלע און לאקאלע ארגאניזאציאנען און מוזען ווערען אזוי שטארק, אז זיי זאלען קענען פערטהיידיגען זייער זעלבסטשטענדיגקייט געגען דיא שווייצערישע פארטיי. דאן האט דער גריטלי געוואלט זעהען, וואס דער געווערקשאפטס־בונד וועט זאגען. מיט דעם געווערקשאפטסבונד איז אבער געוועזען א אנדערע צרה. דער געווערקשאפטסבונד איז געגרינדעט געווארען אין יאהר 1880, בשעת דער ארבייטערבונד איז צערפאלען, אויף א סאציאלדעמאקראטישען פונדאמענט. מיט דער צייט האט זיך אבער ארויסגעוויעזען, אז דער געווערקשאפטסבונד מוז זיך שטעלען אויף נייטראלען באדען, ווען ער וויל ערפילען זיין הויפטאויפגאבע: צו פארבעסערען דיא עקאנאמישע לאגע פון דיא ארבייטער. עס האט זיך אנגעהויבען א שטרייט צווישען דיא, וואס זיינען געווען פאר דיא נייטראליטעט און צווישען זייערע געגנער. דיא אנהיינגער פון נייטראליטעט האבען גע'טענה'ט, אז דורך זיין סאציאליסטישען כאראקטער שטויסט דער בונד אב זאלכע עלעמענטען, וועלכע זיינען ניט איינפערשטאנדען מיט דער סאציאלדעמאקראטישער פראגראם, צ. ב. דיא קאטוילישע ארבייטער (א גרויסער טהייל פון דער שווייץ איז קאטויליש.) דיעזע גרינדען איהרע אייגענע פעראיינען אונטער דער פיהרונג פון גלחים, וועלכע מאכען דארטען הויפטזעכליך פראפאגאנדא געגען דעם סאציאליזמוס בכלל און געגען דעם סאציאליסטישען געווערקשאפטס־בונד בפרט. לאמיר נייטראליזירען דעם בונד. זאל ער ווערן א ארגאניזאציאן, וואס האט נאר דעם צוועק צו פערבעסערען די עקאנאמישע לאגע פון דיא ארבייטער, זאל ער זיך ניט מישען אין פאליטיק — דאצו איז דא א ס. ד. פ., זאל ער זיך ניט מישען אין רעליגיאנסזאכען, זאל ער ניט בעליידיגען דעם רעליגיאנסגעפיהל פון פיעלע ארבייטער; זאל ער נעהמען א ביישפיעל פון דיא קאפיטאליסטען, וואס זיינען, טראטץ דער פערשיעדענהייט פון רעליגיאן און פארטיי, יד אחת, ווען מען דארף אונטערדריקען דעם פראלעטאריאט. אזוי האט גע'טענה'ט איין צד.

מיינט איהר וואס? ענטפערן דיא געגנער פון „נייטראליטעט“, אז דיא גלחים וועלען דאן מאכען שלום מיט אונז? האט איהר טאקע א גרויסען טעות. אט זעהט, וואס עס שרייבט דער „הייליגער טאטע“ פון רוים. צו זיינע „שעפסעלאך“: „הערט זיך ניט איין, וואס דיא סאציאלדעמאקראטען זאגען צו אייך; דאס זיינען לאבושעס, ליידאקעס, זיי גלויבען ניט אין גאט א. ז. וו. אפילו, אז מיר וועלען זיך א הונדערט מאל נייטראליזירען, וועלען דיא קאטוילישע גלחים בלייבען אונזערע בלוטיגסטע פיינד און וועלען אויפרייצען זייערע ארבייטער געגען אונז.“

ענדליך איז געבליעבען אויף דעם געווערקשאפטס־קאנגרעסס אין ווינטערטור צו נייטראליזירען דעם בונד, וועלכער איז אויף אזא אופן געגאנגען פערלארען מיט זיינע 25.000 מיטגליעדער פיר דיא פארטיי. ממילא האט דער רעארגאניזאציאנס פראיעקט געמוזט געענדערט ווערען און דאס האט געפאדערט צייט. אבער אין דיעזער אדער אין יענער פארם — דיא פארטיי האט געמוזט רעארגאניזירט ווערען און וואס שנעלער. „דיא סאציאלדעמאקראטישע פארטיי פון יאהר 1888 האט קיין בעדייטונג, — שרייבט איינער פון דיא „פיהרערס“ אין 1900 — זיא מוז פערשווינדען. דיא נייע פארטיי מוז אויסארבייטען א נייעם פראגראם, וואס זאל שטימען מיט דיא נייע בעדינגונגען.“ דאס איז געווען יעטצט דיא שטימע פון דער מעהרהייט; און ווען דאס איז ניט דורכגעפיהרט געווארען גלייך, איז ניט געווען צוליעב א שטארקע אפפאזיציאן, נאר צוליעב אויסערליכע אורזאכען. אם 4טען נאוועמבער 1900 האט געדארפט געשטימט ווערען איבער 2 געזעצען, וואס דיא פארטיי פאדערט אין איהר פראגראם זייט 1888: דיא פראפארץ־וואהל און דיא וואהל פון בונדערסראטהס (פון העכסטען עקזעקוטיווען ארגאן דער שווייצערישען רעגיערונג) דורך דאס פאלק. דאס האט אוועקגענומען פיעל צייט, כחות און ענערגיע ביי דער פארטיי, אויך איז דיא פארטיי ארייגעשלעפט געווארען צו יענער צייט אין אן אנדער קאמפף.

פריהער איז שוין דערמאהנט געווארען, מיט וועלכע חוצפה דיא קאפיטאליסטען האבען געטראטען איבער דאס רעכט פיר דיא ארבייטער צו בילדען פעראיינען, צו סטרייקען א. ז. וו. ענדליך איז בעשלאסען געווארען צוזאמענצורופען א פראטעסט־פערזאמלונג אין בערן (אין 1901). דיא נאהענטסטע אורזאכע איז געווען א סטרייק אין סימפלאן־טוננעל, דארטען האבען געארבייט מייסטענטהיילס איטאליענער. דיעזע ארבייטער זיינען פריהער געווען זעהר בעליעבט ביי דיא שווייצערישע קאפיטאליסטען, ווייל זיי נעהמען קליינע שכירות און דערגעהן ניט דיא יאהרען מיט סטרייקס, פרעטענזיעס

א. ז. וו. — מיט דער צייט זיינען אָבער דיא אי־טאַליענער אויך „קאַליע" געוואָרען און האָבען מיט אַ מאָל פערלאָרען דעם גאַנצען חן ביי דיא בעלי בתים: וויא באַלד, אַז יאַ אַזוי — צו וואָס דאַרף מען זיי? אַ קשיא אויף דיא איטאַ־ליענער, אַ ווילדע, אונגעבילדעטע פאָלק, זיי קענען דאָך נעהמען אַ מעסער און דערשטעכען. זיי זיינען דאָך אַלע אַנאַרכיסטען, ניט וויא אונזערע רוהיגע, שטילע שווייצערישע אַרביי־טער. דער סטרייק איז נאָר אַ תירוץ: אין דער וואהרהייט ווילען זיי מאַכען אַ רעוואָלוציאָן און איינשטירצען דיא איצטיגע אָרדנונג. און דאָ זאָל מען שווייגען? — אַזוי האָבען זיך גע־היצט דיא „פאַטריאָטישע" בעלי־בתים.

און זיי האָבען טאַקע ניט געשוויעגען. דיא איטאַליענישע אַרבייטער זיינען אַרעסטירט גע־וואָרען מאַססענוויים; מען האָט זיי ניט געגע־בען קיין צייט אפילו פאַר דיא נויטיגסטע זאַכען: צו בעצאַהלען זייערע חובות, אָנצוזאָגען וועמען עס איז א. דגל. אין קייטען געשמיעדט האָט מען זיי אוועקגעשיקט צו דער איטאַליענישען גרענעץ, וויא געמיינע, געפעהרליכע פערברעכער. דאָס איז געווען ניט דער ערשטער מאָל, וואָס איז גע־ברויכט געוואָרען געוואַלטס, פּאָליצייליכע וויל־קיר און באַרבאַרישקייט ביי סטרייקס, דאָס האָט געזאָלט זיין אויך ניט דער לעצטער מאָל...

דיא פּראָטעסט־פערזאַמלונג, וואָס איז צונויפגערופען צוליעב דעם אין בערן, האָט נישט געקענט פערוועהרען זאָלכע ערשיינונגען. זיא איז געווען אפילו זעהר אימפּאָזאַנט; עס זיי־נען געווען דעלעגאַטען פון אַלע אָרגאַניזירטע אַרבייטער. זיא איז פאָרגעקומען אונטער פרייען הימעל. עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָ־לוציאָן, אין וועלכען דיא אָרגאַניזירטע אַר־בייטערשאַפט פּראָטעסטירט געגען דיא איבער־טרעטונג פון דעם פעראיינס־רעכט און געגען מי־ליטער־געברויך ביי סטרייקס. דיא רעזאָלוציאָן איז איבערגעגעבען געוואָרען דעם בונדעסראַטה (דער רעגיערונג) דורך בעפאָלמעכטיגטע פון דער פערזאַמלונג, וועלכע האָבען געהאַט דיא עהרע אויסצוהערען, אַז דאָס איז — ניט זייער זאַך. מען איז ניט מחויב אָבצוגעבען זיי אַ דין וחשבון.

אין אמת'ן ווער זיינען געווען דיא דעלעגאַ־טען וואָס זיינען געקומען פּראָטעסטירען געגען דיא בעהאַנדלונג פון דיא אַרבייטער. ווער האָט זיי געשיקט? ווער איז געשטאַנען הינטער זיי?

„נישט דעמאָנסטראַציאָנען מיט רעזאָלו־ציאָנען קענען און וועלען אונז העלפען, האָט גע־שריעבען איינער פון דיא, וועלכע האָבען אַם מייסטען געטהאָן פיר דיא רעאָרגאַניזירונג פון דער פאַרטיי, נאָר אַ שטאַרקע פאַרטיי. און מען האָט זיך ווידער דערמאַנט אָן דער פאַרטיי און ווידער גענומען ריידען וועגען דעם איהר צו רעאָרגאַניזירען. „אַרבייטער אָרגאַניזירט אייך אין אַ פּאָליטישע פאַרטיי! אַרבייטער, אָרגאַ־ניזירט אייך, אין פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, (טרייד־יוניאָנס.) אַרבייטער פון אַללער פער־איינען פון אַלע פאַכען פעראייניגט אייך!"

און דיא פעראייניגונג, דיא רעאָרגאַניזי־רונג דער פאַרטיי, דאָס ציעל, צו וועלכען עס האָבען געשטרעבט אַלע, וועמען עס איז טייער דיא אַרבייטער־זאַכע אין דער שווייץ איז טאַקע דערגרייכט געוואָרען אויף דעם פאַרטיי־טאַג אין זאָלאָטורן אין דעמזעלבען יאָהר 1901. דיא גרונדלאַגען, אויף וועלכע דיא פאַרטיי איז רעאָרגאַניזירט געוואָרען, זיינען פאָלגענדע: דיא פאַרטיי ווערט געבילדעט 1) פון דעם גריטלי־פעראיין, 2) פון דיא קאַנטאָנאַלע אַרבייטער און פאַרטיי־פערבענדען, 3) פון לאָקאַלע אַרביי־טער־אוניאָנען (פעראייניגונג פון אַלע אַרבייטער־גרופּען פון איין אָרט) ווען זיי געהערען ניט צו אַ קאַנטאָנאַלען אַרבייטער־פערבאַנד. — דיא פאַרטיי פערפּליכטעט זיך צו טהון אַלעס, וואָס זיא קען, כדי דער „גריטלי" זאָל געדייהען. דער פאַרטייטאַג ווערט צונויפגערופען איין מאָל אין יאָהר. פאַר דעם פאַרטייטאַג פינדעט שטאַט דער דעלעגירטען־קאָנגרעסס פון דעם „גריטלי" אַלס צענטראַל אָרגאַן איז אָנגענומען געוואָרען אויף דעם פאָלגענדען פאַרטייטאַג אין 1902 „דער גריטליאַנער".

ריקארדאס ארבייטס-טהעאריא

פון א. ש. זאַקס.

דוד ריקאַרדאָ.

2. ריקאַרדאָ'ס בעדייטונג אין דער וויסענשאַפט.

מיר האָבען שוין בעמערקט, אז אדאם סמיט, אזוי אויך די אנדערע עקאָנאָמיסטען פון יענער צייט, האָבען זיך איבערהויפט אינטערעסירט מיט דיא אורזאכען פון דיא פעלקערס עשירות. זיי האָבען געזוכט דיא מיטלען וועלכע יעדעס פאָלק דארף אָננעהמען אום זיך צו „בערייכערען" און צו האָבען וואָס מעהר פּראָדוקטען. דער הויפּט פּונקט, דער קערן פון זייערע פאָרשונגען איז דעריבער געווען די פראגע פון „שאַפען" פּראָדוקטען צום לעבען. זייער גאנצער בליק איז געווען געווענדעט אויף צו געפינען דיא הויפּט קוועלען וועלכע ליפערן אלין א גרעסערע מאָס לעבענס־מיטעל. זייער שטרעבען איז געווען זיך קלאָהר צו מאכען יענע אויסערליכע בעדינגונגען, ביי וועלכע דעם מענשענס ארבייט אין'ם איפטהן רייכקייטען איז אם בעסטען פרוכטבאר און פּראָדוקטיוו. דיא פראגען אָבער: ווי אזוי די געשאַפענע פּראָדוקטען ווערען פערטהון, ווי אזוי זיי ווערען פערטהיילט, צווישען די מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט גופא? וואָס פאר א טהייל יעדער יחיד בעקומט אין דיא רייכקייט, וואָס גאַנץ קהל האָט בעשאַפען? ווען קומען דיא פּראָדוקטען אָן? און ווי אזוי עס קומט אָן? — דיזע אלע פראגען — זאָגען מיר — זיינען געבליעבען פון דיא עקאָנאָמיסטען אין יענער צייט כמעט ווי אונבעריהרט. ריקאַרדאָ איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען ספּעציעל צו בעשעפטיגען מיט דיזער אויפגאַבע. „זיך קלאָהר מאכען די געזעצען, וועלכע בעשטימען און רעגולירען דיא פערטהיילונג איז די הויפּט אויפגאַבע פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע," זאָגט ריקאַרדאָ אין דער פאָררעדע צו זיין בעריהמטעם ווערק, „דיא גרונד געזעצען פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע."

היינטיגע געזעלשאַפט אונטערשיידעט זיך פון דיא אמאָליגע געזעלשאַפטען, ווי מיר וויסען שוין ערשטענס, דורך דעם, וואָס יעדער יחיד טהוט ניט אויף אלע לעבענס־מיטלען פאר זיך. יעדער בעשאַפט נור איין סאָרט פּראָדוקטען (אין דער גרויס־קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט נור א טהייל פון פּראָדוקט) פון יענער גרויסער צאָהל פערשיעדענע זאָרטען, וועלכע זיינען נויטיג צום לעבען, און צווייטענס, דורך דעם, וואָס ס'איז ניט פאראן א געוויסער ווילען פון א אָרגאַניזאַטאָר, פון א מין ראש הקהל, וועלכער זאָל איינטהיילען יעדערן דיא נויטיגע זאָרטען פּראָדוקטען. אום פאָרט צו בעקומען די נויטיגע פערשיעדענע לעבענס מיטעל צו בעפריעדיגען די בעדירפניסען, מוז יעדערער מסחר'ן, האנדלען, אויסבייטען זיינע פּראָדוקטען, וועלכע זיינען איהם פאר זיך, צום אייגענעם געברויך ניט נויטיג, אויף אנדערע זאָרטען, וועלכע דער פערקויפער ווידער קען פאר זיך ניט געברויכען, און טאַקי דורך דיזען בייט, טויש ווערען פערטהיילט דיא פּראָדוקטען, וואָס דיא גאנצע געזעלשאַפט פּראָדוצירט צווישען די איינציגע מיטגליעדער. דער מארק איז דיא קראַפט וואָס אָרגאַניזירט בלינד דיא פערנאַנדערטהיילונג; אזוי ווי דער אמאָליגער ווילען פון'ם אָרגאַניזאַטאָר אין שבט. זעלבסטפערשטענדליך, אז וויבאַלד די גאנצע סבה, דער גאנצער כח פון דער פאַרנאַדערטהיילונג ליגט אין טויט, דאַרף זיין איינע פון דיא וויכטיגע אויפגאַבען פון דער וויסענשאַפט צו געפינען די געזעטצען פון טויש, צו וויסען די כללים, לויט וועלכע די מענשען בייטען צווישען זיך דיא געשאַפענע פּראָדוקטען. מען מוז וויסען פאר וואָס מען בעקומט פאר אזא און אזא פּראָדוקט אזוי פיעל און אזוי פיעל. פאר א צווייטען שוין א גאַנץ אנדער מקח. מיט איין וואָרט, אויב מען וויל נאָר גוט פערשטעהען די מאַשינע פון

פערנאַנדערטהיילונג, מוז מען קודם כל פערשטעהען די געזעצען, וועלכע בעשטימען דעם ווערטה פון די פּראָדוקטען, וואס איז ניט אַנדערש, ווי די פעהיגקייט פון אַ זאַך אויסגעביטען צו ווערען אויף אַנאַנדער זאַך. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אַז דיעזער וויכטיגע פראַגע ווידמעט ריקאַרדאָ דעם ערשטען קאַפּיטעל פון דעם אויבענדערמאָהנטען ווערק, וואו ער ווייזט אַרויס שאַרפזיניגע געדאַנקען, אַ אונגעהויערע חריפות אין׳ם ערפאָרשען געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען, מיט וועלכע קיינער פון זיינע פאָרגעננער, אַזוי ווי די שפּעטערדיגע עקאָנאָמיסטען (מיט אויסנאַהמע פון קאַרל מאַרקס) קען זיך ניט גלייכען. און אַ דאַנק זיין חריפישען מח און ערנסטען פאָרשען האָט ריקאַרדאָ׳ן זיך טאַקי איינגעגעבען צו ענטדעקען די אמת׳ע געזעצען, וועלכע רעגיערען און בעוועגען דעם גאַנצען געזעלשאַפטליכען מעכאַניזם, דורך וועלכען יעדער מענש בעקומט מעהר אָדער וועניגער דיא מאָס לעבענס־מיטלען — דער מעכאַניזם פון פערנאַנדערטהיילונג.

אום אָבער צו האָבען אַ קלאָהרען בעגריף פון ריקאַרדאָ׳ס ווערטה־טעאָריע און איהר בעדייטונג פאַר די וויסענשאַפט, מוזען מיר מאַכען אַ געוויסען איבערבליק איבער די יסודות פון דיא טהעאָריען, וועלכע האָבען געהערשט און הערשען נאָך עד היום בנוגע דיזע וויכטיגע פראַגע. אַנדערש וועט אונז זיין אונמעגליך אָבצושאַטצען ריכטיג די ראָליע, וואָס ריקאַרדאָ שפּיעלט אין דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט.

ווען איך זעה, אַז אַ געוויסער אָרגאַניזם אָדער זאַך בעזיצט אַ געוויסע פעהיגקייט און איך וויל וויסען פון וואַנעט דיזע פעהיגקייט נעהמט זיך, מוז איך קודם כל די זאַך אַנאַליזירען, פערנאַנדערלעגען אויף איינציגע און איינפאַכע אייגענשאַפטען—דאַן ערשט וועלען מיר קענען וויסען די סבה, ד. ה. דורך וועלכע אייגענשאַפט דער קערפּער בעקומט די אָדער יענע פעהיגקייט. ביים ערפאָרשען די אורזאַכען, וועלכע גיבען צו אַ געוויסען פּראָדוקט די פעהיגקייט בכלל צו ווערען אויסגעביטען אויף אַנאַנדער פּראָדוקט אָדער געלד (וואָס איז אויך ניט אַנדערש, ווי אַ געוויסער פּראָדוקט) און די אורזאַכען, וועלכע בעשטימען די גרויס פון אַ טויש־ווערטה *) מוז מען פריהער דעם פּראָדוקט גופא פערנאַנדערנעהמען, פערנאַנדער שפּאַלטען אויף זיינע איינפאַכע, אָבגעזונדערטע אייגענשאַפטען.

*) אונטערן וואָרט „טוישווערטה" פערשטעהען מיר דיא מאָס אַנדערע פּראָדוקטען אויף וועלכע דער פערקויפער בייט אויס זיין פּראָדוקט.

וועלכע אייגענשאַפטען בעזיצט אַ טויש־ווערטה־זאַך, אַ סחורה, וואָס קען פערקויפט און אויסגעביטען ווערען אויף אַנאַנדער זאַך? ערשטענס, זעהען מיר, אַז יעדע סחורה, אויסער איהרע פהיזישע, כעמישע און מעכאַנישע אייגענשאַפטען, וואָס קומען איצט ניט אין בעטראַכט, מוז זיין נוטציג, זי מוז האָבען דיא אייגענשאַפט צופריעדען צו שטעלען אַ געוויסע בעדירפניס. שטיוועל צ״ב בעפריעדיגען דיא בעדירפניס ניט צו געהן באָרוועס, טוך—ניט צו געהן נאַקעט א. ז. וו. אָהן אַזאַ אייגענשאַפט קען קיין סחורה איבערהויפּט ניט זיין, ווען אַ פּראָדוקט זאָל ניט זיין נוטציג, וועט קיינער איהם אפילו אין האַנד ניט וועלען נעהמען און ווער רעדט נאָך צו געבען אַנאַנדער זאַך דערפאַר. צווייטענס, זעהען מיר, אַז יעדע סחורה האָט די אייגענשאַפט, וואָס זי איז בעשאַפען דורך מענשליכע אַרבייט. סחורות, וואָס זאָלען ניט ענטהאַלטען אין זיך מענשליכע אַרבייט, זיינען במציאות ניטאָ. אָט דיזע צוויי אייגענשאַפטען—דיא נוטצליכקייט און מענשליכע אַרבייט—געפינען מיר, ווען מיר אַנאַליזירען יעדע סחורה, יעדען פּראָדוקט, וואָס האָט אַ טויש־ווערטה. דיא נוטצליכקייט פון פּראָדוקט איז אויך אַ סוביעקטיווע אייגענשאַפט, ווייל דאָס איז ניט פאַר אַלעמען גלייך, דאָס ווענדעט זיך אָהן יעדען סוביעקט, פאַר איינעם קען דיא זאַך האָבען אַ גרעסערע נוטצען, פאַר׳ן צווייטען אַ קלענערע נוטצען. נעהמט צום ביישפּיעל, קליידער: אַ נאַקעטער וועט זיך מעהר אין דעם נויטיגען און זיי וועלען פאַר איהם האָבען אַ גרעסערע נוטצען, ווי פאַר יענעם, וועלכער געהט ניט נאַקעט. די מאָס אַרבייט אָבער, וואָס איז איינגעשלאָסען אין דער סחורה, איז אַ אָביעקטיווע אייגענשאַפט, דאָס איז פאַר אַלעמען גלייך, דאָס קען ניט זיין פאַר איינעם גרעסער פאַר׳ן צווייטען וועניגער, דען דאָס ווענדט זיך אָן די אַלגעמיינע אָביעקטיווע בעדינגונגען פון דער פּראָדוקציאָן. דער ווערטה פון יעדער סחורה מוז, פערשטעהט זיך, אויך אַרויסקומען בלויז פון דיעזע אייגענשאַפטען. אָדער פון נוטצליכקייט, אָדער פון דער מענשליכער אַרבייט, נו— פרעגט זיך — דורך וועלכע אייגענשאַפט בעקומט אַ סחורה איהר ווערטה? — אָט בנוגע דיזע פראַגע הערשען אין דער וויסענשאַפט צוויי הויפּט שיטות — די סוביעקטיווע שיטה בעהויפּטעט, אַז דער ווערטה שטאַמט פון דער סוביעקטיווער אייגענשאַפט, דערפון, וואָס דער פּראָדוקט קען צופריעדען שטעלען געוויסע בעדירפניסען; און דיא אָביעקטיווע שיטה, וועל־

כע בעהויפטעט, אז הגם יעדע סחורה מוז זיין ניטצליך, אָבער איהר ווערטה ווערט בעשטימט ניט צוליעב די נוטצליכקייט, צוליעב איהר סוביעקטיווען כאראקטער, נור צוליעב דעם, וואָס אויף איהר איז פערטהון מענשליכע ארבייט, צוליעב איהר אָביעקטיווע אייגענשאַפט. די טעאָריען, וועלכע געהערן צו דער ערשטער שיטה זיינען אויך בעוואוסט אונטערן נאָמען: „די נוטצען טעאָריע“, צו דער צווייטער שיטה; „דיא ארבייטס־טעאָריע.“

3. ריקאַרדאָס ארבייטס־טהעאָריע.

שוין אדאַם סמיט איז געווען איבערצייגט, אז ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס יעדע סחורה מוז זיין נוטצליך, ווערט פון דעסטוועגען איהר ווערטה בעשטימט ניט לויט איהרע נוטצליכקייט, נור דורך די מאָס ארבייט. אדאַם סמיטה געהט אויף ארויס פון׳ם געוועהנליכען אלטעגליכען אמת, אז אין אלע צייטען און אין אלע לענדער האַלט יעדער מענש טהייער דאס, וואָס איהם קומט שווער אָן און וועניגער טהייער דאס, וואס איהם קומט לייכט אָן. דיא ארבייט — מיינט סמיטה — איז דיא איינציגע ריכטיגע, אָביעקטיווע, אונפערענדערליכע מאָס, לויט וועלכע עס ווירד בעשטימט דער ווערטה פון פערשיעדענע זאכען. דאס וועגדעט זיך ניט אָן דעם געשמאַק און פערלאַנג פון איינציגע מענשען, ווי צ. ב. די נוטצליכקייט פון א זאך. „ווען ביי א יעגער־פאָלק האָט דאס פאנגען א ביבער, געקאָסט צוויי מאָל אזוי פיעל ארבייט, ווי דאס פאנגען א הירש—איז דער ווערטה פון ביבער געווען צוויי הירשען, דען עס איז זעלבסט פערשטענדליך, אז א זאך, וואָס ענטהאַלט אין זיך צוויי טעג אָדער צוויי שעה ארבייט, דאַרף זיין צוויי מאָהל אזוי ווערטה וויא א זאך, וואָס ענטהאלט נור איין טאָג אדער איין שעה ארבייט.“

ביי אַדאַם סמיטה איז אָבער שווער צו פערשטעהען, דורך וועלכע ארבייט דער ווערטה ווערט בעשטימט: צו דורך די ארבייט, וואָס געהט אוועק אויפ׳ן שאפען דעם פּראָדוקט. אָדער דורך די מאָס ארבייט, וואָס מען קען בעקומען פאר׳ן פּראָדוקט. ווי עס ווייזט אויס פון זיין ווערק איז ער געווען נוטה צו דער צווייטער בעשטימונג. „אלע רייכטהימער — זאָגט סמיטה—זיינען בעשאפען דורך ארבייט.“ „נאָך דעם, וויא אין דער געזעלשאפט איז ארבייט געווארען צוטהיילט (אין אונזער געזעלשאפט א. ז. וו.) שאפט דער מענש מיט זיין אייגענער ארבייט בלויז א קליינע מאָס פּראָדוקטען, וועלכע זיינען איהם נויטיג צום געברויך. דאס רוב לעבענס־מיטלען ווערט בעשאפען דורך אנדערע מענשען.“ „יעדער מענש קען זיין אָרעם אָדער רייך, דאס וועגדעט זיך אָן די מאָס ארבייט, וואָס געפינט זיך ביי איהם אין רשות און מיט וועלכע ער קען זיך בענוטצען. „דער ווערטה פון א געוויסער סחורה פאר איהר בעל הבית איז דאריעבער אזוי פיעל—קומט סמיט צום בעשלוס — וויפיעל ארבייט ער, דער בעל הבית הייסט עס, איז אימשטאנד פאר איהר צו בעקומען און פאר איהר צו בעשטעלען.“ „ווען איינער קויפט א זאך, רעכענט ער זיך אויס, וויפיעל ארבייט די זאך קען איהם פערשפּאָרען—ד. ה. וויפיעל ארבייט טראָגט דיא זאך איהם איין.“ די מאָס ארבייט, דורך וועלכע עס ווערט בעשטימט דער ווערטה, טראָגט ביי אדאַם סמיט עפּעס, אריין סוביעקטיווען כאראקטער אין דער צייט, ווען סמיט אליין סטאַרעט זיך צו צוגעבען דעם ווערטה א אָביעקטיווע פאָרמע, וואָס זאָל ניט זיין אבהענגיג פון יעדען יחיד׳ס געשמאַק.

אויסערדעם, — פרעגט ריקארדאָ—אויב מיר וועלען זאָגען, אז דער ווערטה פון א געוויסער סחורה ווערט בעשטימט לויט די מאָס ארבייט, וואָס דער געברויכער קען דורך איהר פערשפּאָרען, מוז דאָך אויסקומען אין אונזער געזעלשאפט, אז א סחורה פון 12 שעה ארבייט זאָל מעהר ניט זיין ווערטה וויא 6 שעה. אין אונזער (קאפּיטאליסטישער) געזעלשאפט, ווערען דיא פּראָדוקטען בעשאפען דורך געדונגענע ארבייטער. דיא שכירות פון געדונגענע ארבייטער איז גלייך צו דער צאָהל פּראָדוקטען, וויעפיעל עס איז נויטיג אויף חיונה, כדי דיא ארבייטער זאָל זיין מעגליך אבי וויא צו ערהאלטען דאָס לעבען אום צו קענען ווייטער ארבייטען. ווען דיא מאָס פּראָדוקטען, וואָס איז גענוג אויף א טאָג חיונה פאר דעם ארבייטער, ענטהאלט אין זיך בלויז 6 שעה און דער געדונגענער ארבייט אָבער ניט 6 שעה, נור 12 שעה, איז דאָס דאָך קלאָהר, אז דער ווערטה פון פּראָדוקט, וואָס דער ארבייטער האָט בעשאפען אין׳ם 12 שעה׳דיגען ארבייטס־טאָג, וועט זיין 12 שעה. נאָך אדאַם סמיט קומט אָבער אויס, אז דער ווערטה פון אזא פּראָדוקט וועט זיין בלויז 6 שעה ארבייט, ווייל דער קויפער קען אויף ארבייטען מיט געדונגענע ארבייטער און דעמאָלט שפּאָרט ער איין מיט דעם פּראָדוקט ניט 12 שעה ארבייט, נור 6 שעה — וויעפיעל דיא געדונגענע ארבייטער וואָלטען איהם געקאָסט.

דיא פראגע קען מען אויך אנדערש שטעלען: אויב דער ווערטה פון א פּראָדוקט איז דיא מאָס ארבייט, וויעפיעל מען קען דערפאר בעקומען, קומט אויס, אז א פּראָדוקט פון 6 שעה ארבייט וועט האָבען א ווערטה פון 12 שעה פאר לעבענס מיטעל, וועלכע האָבען־נור געקאָסט 6 שעה ארבייט קען מען דורך געדונגענע ארבייטער בע־

קומען אַ פּראָדוקט פון 12 שעה אַרבייט.

בעווייזענדיג דיא סתירות און דיא אונקלאָרהייט פון סמיט'ס טעאָריע, קומט ריקאַרדאָ צום כלל: אז „דער ווערטה פון אַ סחורה, אָדער דער ווערטה פון אַנדערע סחורות, אויף וועלכע זיא ווערט אויסגעביטען — איז דיא מאָס אַרבייט, וויעפיעל עס האָט געקאָסט דאָס אַרויסברייננגען דיא סחורה און ניט דיא מאָס אַרבייט, וואָס איך קען דורך איהר בעקומען." אז איין פּראָדוקט ווערט אויסגעביטען אויף אַ צווייטען פּראָדוקט הייסט עס, אז דיא פּראָדוקציאָן, דאָס שאַפען פון איין פּראָדוקט קאָסט אַזוי פיעל אַרבייט, וויא דאָס שאַפען פון צווייטען פּראָדוקט.

ווען דער טויש-ווערטה פון אַ געוויסער סחורה ווערט אויסגעדריקט אין געלד — דאָס הייסט, ווען מען בייט דיא סחורה ניט דירעקט אויף אַן אַנדער סחורה, וועלכע קען גלייך געברויכט ווערען, נור אויף אַ זאַך, דורך וועלכע מען קען צו יעדער צייט בעקומען אַ פּראָדוקט, וואָס בעפריעדיגט אונזער בעדירפנים — דהיינו אויף געלד — בעקומען מיר דאַן דעם פּרייז. ווען פאַר אַ סחורה, וואָס ענטהאַלט אין זיך אַ בעשטימטע מאָס אַרבייט בעקומען מיר אַ מאָל אַ גרעסערען, אַ מאָל אַ קלענערען פּרייז, הייסט עס ניט, אַז דיא סחורה ד. ה. דיא אייגענע מאָס אַרבייט ווערט אַמאָל טהייערער, אַמאָל וואָלוועלער, דאָס הייסט נור, אז דער ווערטה פון געלד איז אַמאָל העכער, אַמאָל נידעריגער. ווען למשל פאַר אַ זאַך וואָס ענטהאַלט אין זיך 10 שעה אַרבייט בעקומט מען אַ פּרייז — אַ רובעל — איז דערפון געדרונגען, אז דאָס בעשאַפען אַ רובעל געלד אָדער זילבער קאָסט 10 שעה אַרבייט. אויב פאַר דיא אייגענע סחורה, וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרען ביי דיזעלביגע בעדינגונגען, וויא פריהער, בעקומט מען שפּעטער, למשל, 1,50 אָדער גאָר 50 קאָפּ. הייסט עס אין ערשטען פאַל, אַז פאַר 10 שעה אַרבייט קען מען שאַפען ניט בלויז איין רובעל, נור איין רובעל מיט 50 קאָפּ.; אין צווייטען פאַל — בלויז 50 קאָפּ.

געוועהנליך קענען אויך פאָרקומען פערענדערונגען אין דעם ווערטה פון דער זאַך גופא, ווען דיא מאָס אַרבייט, וואָס דאַרף אויפגעהען אויפ'ן פּראָדוקט ווערט וועניגער אָדער מעהרער. דורך דיא ענטוויקלונג פון פּראָדוקטיוויטעט ווערט דיא מאָס אַרבייט וואָס איז נייטיג פאַר אַ געוויסען פּראָדוקט, וועניגער — דער ווערטה פון אַזאַ פּראָדוקט ווערט נידעריגער. ווען דיזע בעדינגונגען זיינען אָבער געבליעבען אונפערענדערט — דאַן ווענדעט זיך דער שטייגען און פאַלען פון פּרייז אַן דיא פּראָדוקציאָן-בעדינגונגען פון דיא געלד.

און אין אמת'ן — בטעמט ריקאַרדאָ — אויב אַ ראָק, וואָס ענטהאַלט אין זיך 100 שעה אַרבייט, וועט פערקויפט ווערען פאַר אַ פּאָאַר שטיוועל, וואָס ענטהאַלט אין זיך בלויז 50 שעה אַרבייט, — דאַן וועט דאָך אויסקומען, אַז דעם שניידערס אַרבייט ווערט געשאַצט אויף אַ העלפט וועניגער, וויא שוסטערשע אַרבייט; דער שניידער וועט מוזען אַרבייטען אויף זיין חיונה דאָפּעלט אַזוי פיעל, וויא אַ שוסטער! און דאָס איז דאָך אַ זאַך, וואָס ס'איז אונמעגליך, ווייל אויף אַזאַ אופן וועלען אַלע שניידערס אָנפאַנגען צו לערנען זייערע קינדער שוסטעריי. אין אונזער געזעלשאַפט האָט דאָך יעדערער דאָס רעכט אויסצוקלייבען אַ מלאכה, וועלכע ער וויל. צו וואָס וועט דאָס פיהרען? דאָס וועט פיהרען דערצו, דאָס אונזער געזעלשאַפט וועט מיט דער צייט האָבען זייער פיעל שוסטערס און וועניג שניידערס. שניידעריי וועט ווערען תקיף און אויף שוסטערשע אַרבייט וועט ווערען אַ זול. און אָט צוליעב דער פרייער קאָנקורענץ, וואָס יעדער קען זיך אויסקלייבען אַ מלאכה, וועלכע ער וויל, אַרבייט זיך אויס בלינדערהייט, אָהן אַ שום ווילען פון וועמען עס איז, דאָס געזעץ, אַז ביי אַנדערע גלייכע בעדינגונגען האָט אַ געוויסע מאָס אַרבייט פון איין מלאכה אַזאַ ווערטה, וויא דיזעלבע מאָס אַרבייט פון אַ צווייטער מלאכה און דאָס איז טאַקע דיא אורזאַכע, דאָס אין יעדער צייט איז אומגעפעהר פאַראַן אין דער געזעלשאַפט דיא נייטיגע צאָהל בעל מלאכות פון פערשיעדענע צווייגען פון דער אינדוסטריע, ווייל דיא אַרבייטס ענערגיע ווערט אין אַלע צווייגען גלייך געשאַצט און פערווערטהעט.

אויך דאָ אין דער בעגרינדונג זעהען מיר אַ גרויסען אונטערשיעד צווישען סמיט'ן און ריקאַרדאָ. סמיט בטעמט דאָס אָביעקטיווע געזעץ פון ווערטה סוביעקטיוו, פּסיכאָלאָגיש. ער שטיצט זיך אויף דיא פּסיכאָלאָגיע פון יעדען מענשען, דאָס יעדערער שאַצט טהייערער דאָס, וואָס ס'קומט שווער אָן און לייכט דאָס, וואָס קומט גרינג אָן. ריקאַרדאָ בטעמט עס אָבער אָביעקטיוו. לויט דיא אָביעקטיווע בעדינגונגען פון אונזער געזעלשאַפט, לויט דעם געזעץ פון פרייער קאָנקורענץ — זאָגט ריקאַרדאָ — מוזען גלייכע מאָסען אַרבייט האָבען גלייכע ווערטהען און ניט צוליעב דיא געפיהלען און געדאַנקען פון איינציגע מענשען. אין דעם ליעגט אַ אונגעהייער גרויסער פערדיענסט פון ריקאַרדאָ פאַר דיא וויסענשאַפט. ריקאַרדאָ איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט בעוויעזען, אַז דיא אורזאַכען, וועלכע בילדען דעם ווערטה, זיינען ניט צופעליגע, סוביעקטיווע, וועלכע זיינען ניט אַלע מאָל שטענדיג און פעסט, נור ריין אָביעק-

טיוועט, פעסט אוועקגעשטעלט און ליגען אין דעם תוך פון אונזער געזעלשאפטליכער געביידע, וואס איז געגרינדעט אויף דער פרייער קאנקורענץ, אבער ניט אין אונזער „איך". דארטען, וואו דיא מלאכות קענען ניט אויסגעקליבען ווערען נאך'ן פערלאנג פון יעדען מענשען, ווען צום ביישפיעל שניידערס קענען זייערע קינדער שוסטעריי ניט לערנען צו ווייל דאס געזעץ פערבאט איבער־צוגעהען פון איין מלאכה צו דער צווייטער (אזוי וויא עס איז געוועזען אין מיטעלאלטער אין דער צייט פון דיא צעכען), צו ווייל שוסטעריי פא־דערט ניט געוועהנליכע פעהיגקייטען, וועלכע זיינען ביי א מיטלען מענשען ניט פאראן — דאן קען טאקע לויט ריקארדא'ן דיא מאס אר־בייט פון שוסטעריי האבען א גרעסערען ווערטה, וויא דיא זעלביגע מאס ארבייט פון שניידעריי, ווייל שניידעריי איז ניט א מלאכה, וועלכע יע־דערער איז אימשטאנד און פעהיג צו לערנען און ממילא איז זיא אויסגעשלאסען פון דער פרייער קאנקורענץ. דערמיט ערקלעהרט זיך טאקע גאנץ גוט דער פאקט, וואס דער ווערטה פון געוויסע זעלטענהייטען, ווי צ. ב. בילדער פון א גרויסען קינסטלער.

איבער דער וועלט.

ניו־יארקער קאמפיין און זיין אלגעמיינע פאליטישע בעדייטונג. — דיא קאנדידאטען, דיא אישוס, דיא וועהלער, — דער נייטטער קאנגרעס־דיסטריקט און די סאציא־ליסטישע אויסזיכטען. — דיא גוטע אויסזיכטען פון דער סאשעליסט פארטיי אין לאנד. — פעסימיזמוס און אפטימיזמוס אין דער רוסישער רעוואלוציאן.— דער גרויסער שרעק פון היינט און דיא רעוואלו־ציאנערע פאסירונגען פון מארגען.

איף דיא פראגע: וועלכע טהעמא איז דיא ברענענדסטע אין די פעראייניגטע שטאאטען? האט רידזשווי פון פיעלע פון זיינע רעדאקטארען, וואס זיינען צו־שפרייט איבערן גאנצען לאנד, באקומען דעם ענטפער: דער ניו־יארקער קאמ־פיין, „הוירסט־יוהז". פון אטלאנטא, פון שיקא־גא, פון דענווער, פון סט. לואיס, פון איבעראל קוקט מען מיט אינטערעס אויף דעם נויארקער קאמפיין.

אין פלוג איז שווער צו זאגען מיט וואס דער קאמפיין איז אזוי אינטערעסאנט און אנציהענד. דער אינהאלט פון איהם, דיא „אישוס", זיינען זעהר ארימע. עס איז אייגענטליך גאר קיין אישוס ניטא. הוירסט, וועלכער לויפט דעם יאהר אויף צוויי טיקעטס — אויפ'ן דעמאקרא־טישען און „אינדעפענדענט" — האט אפילו צוויי פלאטפארמען, פון וועלכע איינע איז פאל־שטענדיג סותר דיא אנדערע, אבער ווייל עס איז אזוי אויפ'ן פאפיער, דערפאר האט ער אין דער ווירקליכקייט, אין דער אגיטאציאן קיין פלאטפארם ניט: וויל ער א ציה טהאן דעם „אינ־דעפענדענט" ברעג מיט דיא פראזען געגען פאר־טיי באסעס, געגען בודעל, קארופציאן א. ז. וו. שטעלט מען איהם אנטקעגען ארויס דיא פיגור פון טעמעני־באס, מוירפי, פון וועמעס גנאדען ער לויפט היינט אלס דעמאקראטישער קאנדי־דאט און ער מוז פערבייסען דעם צונג און אנט־שוויגען ווערען. וויל ער ווערען „סטאטעטשנע" און זיך אבשאקלען אין גאנצען פון דיא „שרעק־ליכע" סאציאליסטישע און ראדיקאלע פראזען, קומט דיא מעפיסטאפאלישע געשטאלט פון דיא פאר־א־יאהריגע 200 טויזענד שטימען און דער־מאנט איהם, וואס עס שטעהט איהם אין קאן, ווארום מיט דעמאקראטישע שטימען אליין וועט ער לכל הדעות ניט געוועהלט ווערען. הוירסט קען ניט אין גאנצען זיך ענטזאגען פון הוירסט'ס שטימען, דאס איז זיין טראגעדיע. וויל ער אויס־געפינען א פשרה און שימפפען און זידלען דיא טראסטס, דיא גנבים, וועלכע באשווינדלען און נארען אפ אפילו „קאזנא", און דורך אלערליי גנב'ישע קונצען דרעהען זיי זיך ארויס פון צאה־לען טעקסעס, קומט זיין געגנער און בעווייזט מיט שווארץ אויף ווייס, אז ער אליין, הוירסט, בכבודו ובעצמו, איז אן אונאנשטענדיגער, אונ־עהרליכער טראסט־מאגנאט, אז ער אליין בא־שווינדעלט און נארט אפ „קאזנא" און צאהלט אליין דורך דיא קונציגסטע דריידלאך ניט קיין פעני טעקסעס. און ווידער אמאל מוז הוירסט

אנטשוויגען ווערען.

ניט פיעל וואס צו זאגען האט אויך יוהז. זיין פערגאנגענהייט זאגט גאר ניט. זיין „גרויסע" טהאט, די אונטערזוכונג פון די לעבענס־פערזיכערונגס געזעלשאפטען, האט איהם ניט גרויס געמאכט און זיי ניט קליין געמאכט. מיט די עקזיסטירענדע ארדנונגען און אלע זייערע פעהלערן און פערברעכענס איז ער צופריעדען. ער איז דאך לכל הדעות א „כשר'ער" קאנסערוואטיווער מאן, אהן א שום פונק פון ראדיקאליזמוס און ליבעראליזמוס, א מאן וועלכער צייכענט זיך אויס נור דורך זיין שטרענגע, ענערגישע באזוכען פון די קירכע יעדער זונטאג און יעדער יום־טוב. (עס איז א סברא, אז ער האלט אויך גרויסע דרשות... פאר די שילער פון א רעליגיעזע זונטאגס־שול). מיט דער געגענווארט איז ער צופריעדען און באזאנדערס צופריעדען מוז ער זיין, מיט דער פארטיי, דורך וועלכע ער איז ראוי לגדולה געווארן. זעלבסטפערשטענדליך, אז א מאן וואס האט ניט אויסצוזעצען אין די עקזיסטירענדע צושטענדע, האט ניט וואס צו פארשפרעכען אויף די צוקונפט. און דערפאר איז דער אינהאלט פון זיין קאמפיין נאך דאפעלט פוסט און אונבעדייטענד.

* * *

עס איז אלזא ניט דער אינהאלט פון דעם קאמפיין, ניט די אישוס, וועלכע מאכען איהם אזוי אינטערעסאנט. עס זיינען אויך ניט די פערזענליכקייטען, וועלכע ציהען אויף זיך אזוי פיעל אויפמערקזאמקייט. פון די צוויי קאנדידאטען איז דער איינער, יוהז, וויא מיר האבען געזעהען, פאר קיינעם ניט אינטערעסאנט אלס פערזאן. ער האט קיין שום צוג ניט אין זיין גאנצע פערזענליכקייט, וועלכע זאל זיין רעטהזעלהאפט, אנציהענד. א טרוקענער, קאלטער קאטאלאג פון „קייסעס", וועמען קען ער פאראינטערעסירען?

דער אנדערער, הוירסט, איז היינטיגען יאהר שוין ניט מעהר ניי, ניט מעהר אונבעקאנט, און דערפאר מעהר ניט חן'עוודיג. דורך זיינע פיעלפאכע פערראטהען, וועגען וועלכע מיר האבען גערעדט דאס לעצטע מאל און וועלכע עס האבען פון דאן אן זיך פיעלפאך פערמעהרט און פארטיפט; דורך זיינע אבמאכונגען מיט מורפי פאר באפלא'ער קאנווענשאן און דורך זיינע אויפפיהרונגען נאך דער קאנווענשאן, האט ער איינע נאך די אנדערע אראפגעווארפען פון זיך די שעהנע, פרעכטיגע בגדים און ער שטעהט היינט פאר דער עפענטליכער מיינונג אין זיין פאלשטענדיגער נאקעטהייט אלס ברוטאלער, ריקזיכטסלאזער פאליטישער שטרעבער. נור איין גלויבען האט הוירסט — דעם גלויבען אין זיך; נור צו איין גאט דיענט ער אונטער אלע אומשטענדען טריי און קאנזעקווענט, דאס איז דער אבגאט פון זיינע פערזענליכע עגאאיסטישע אינטערעסען און שטרעבונגען. דאס אלץ איז געווארען קלאהר, ווען הוירסט האט זיך אראבגעלאזען פון דעם האלב מיסטישען דונקעל אין וועלכע ער איז געווען איינגעוויקעלט א לאנגע צייט. דער אמת'ער הוירסט האט אזוי וויייניג סימפאטישעס, אזוי וויייניג חן און צוציהונגס־קראפט... — ניין ניט הוירסט'ס פערזענליכקייט איז עס, וועלכע עס אינטערעסירט היינט די וועלט.

* * *

ניט קיין גרויסע, צוציהענדע, אינטערעסאנטע פערזאנען, ניט קיין וויכטיגע אישוס שטעהען אין קאמפף. און דאך איז דער ניו־יארקער קאמפיין אזוי אלגעמיין־אינטערעסאנט און בעלעהרענד. מיט וואס? כדי אויף די פראגע צו ענטפערן, מוזען מיר זיך אומקעהרען צוריק צו הוירסט'ס ערשטע טריט אויפ'ן פאליטישען פעלד, צו די וויייניגע גלאנץ טעג פון „הוירסטיזמוס".

„הוירסט ארבייט מיט שארפע ווערטער, מיט שטארקע אויסדריקע, וועלכע ער לייהעט פון סאציאליסטישען ווערטער־בוך. הוירסט לאזט זיך אראפ צו די מאסען, בעזונדערס צו די ארבייטער.... הוירסט טראגט אין דעם קאמפיין אריין דעם ביליגען דעמאגאגיזמוס. הוירסט ווירקט אויף די געפיהלען פון די מאסען. עס שטעהט דערפאר פאר די געפאהר, אז ער וועט זאגאר פארפיהרען א טהייל פון די ארבייטער, וועלכע וואלטען שטימען פאר די סאציאליסטישע פארטיי". דאס איז געווען די כאראקטעריסטיק, וועלכע מיר האבען געגעבען דעם „הוירסטיזמוס" פאר־א־יאהרען. („צוקונפט" נאוועמבער 1905, זייטע 47). און אין א חודש ארום, ווען עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז מיר האבען די געפאהר ניט מגזם געווען און די וואהל־קאסטענס האבען געוויזען הוירסט'ס אונגעהויערען ערפאלג און דעם גרויסען ניעדערגאנג פון סאציאליסטישען וואוט, דאן האבען מיר געשריבען:

עס איז די אונצופריעדענהייט פון די מאסען, די אנגעקליבענע פראטעסט ענערגיא, פון וועלכע הוירסט האט אזוי פראפיטירט. דער איבערגעשראקענער קליין־בורזשוא, וועלכער האט צוליעב די אינשורענס־סקאנדאלען און אנדערע קארופציאנס־געשיכטען גענומען ציטערן פאר זיינע פאר גראשען, האט, שטימענדיג פאר הוירסט'ען, עס געטהאן וויא איינער וועלכער פערקויפט פון שרעק זיין נשמה צום טייוועל. און דער אקארשט פון פאליטישען

שלאָף ערוואכענדער פּראָלעטאריאט האָט נאָך ניט קלאָהר גענוג פארשטאנען געגען וואָס ער האָט צו פּראָטעסטירען און אויף וויא וויט טיעף זיין פּראָטעסט דארף געהן.

הוירסטיזמוס איז פאר־א־יאָהרען געווען פאר דיא קליין־בורזשואזיא די העכסטע שטופע פון פּראָטעסט. פאר דיא ארבייטער — דיא ערשטע שטופע. און ווען הוירסט האָט היינטיגען יאָהר זיך אליין ענטזאגט פון זיין ראדיקאליזמוס, ווען ער האָט פון זיין פּראָגראם ארויסגעוואָרפען יעדען זכר פון סאָציאַליסטישע אידעען, האָט ער דערמיט געוויזען, אז ער אליין גלויבט ניט אין דיא ערנסטקייט און אָנהאַלטענדע פעסטקייט פון דעם קליין־בירגערליכען פּראָטעסט און אן דיא אָנהאַלטענדע סימפּאַטיען פון דיא ארבייטער צו איהם.

דער היי־יאָהריגער ניו־יאָרקער קאמפּיין איז אלזאָ א נייער עקספּערימענט אויף דיא פּסיכאָלאָגיא פון דיא גרויסע מאסען קליינבירגער. די פראגע איז: צו וועט הוירסט'ס פערראטה אן דעם ראדיקאליזמוס, און אין דער פּראָטעסט־בעוועגונג געגען דיא פּארטיי־מאשין און פּארטיי־באָסיזמוס באקומען דיא באשטעטיגונג און צושטימונג פון דיא מאסען?

אָט דאָס איז דער טיעפער אינהאַלט פון הוירסט'ס צווייטער „רייס". דיא פּארטייען, דיא קאנדידאטען, זיי זיינען שוין קלאָהר, פערשטענדליך און פאר אונז אזוי אבשטויסענד. דיא וועהלער אָבער, זייער פּסיכאָלאָגיא, דיא שטימונג פון דיא מאסען, זיי זיינען נאָך דערווייל א רעטהזעל אין דיא פעראייניגטע שטאאטען. מיר לעבען אין א איבערגאנגס־צייט, אין א ערוואכונגס־צייט, וואו נייע שטרעמונגען בעווייזען זיך. אלטע געטער ווערען געשטירצט, אלטע בנינים ארונטערגעריסען. אין אזא צייט איז יעדער מאָמענט וויכטיג, יעדער פאזע פון דער ענטוויקלונג אינטערעסאנט און בעלעהרענד.

* * *

ניט הוירסט און נאָך ווייניגער יוהז שטעהן פארן געריכט. עס זיינען דיא מאסען, וועלכע דארפען דעם 6טען נאָוועמבער אבהאלטען זייער עקזאמען און ווייזען אויף וויא וויט זיי זיינען פּאָליטיש רייף. ספּעציעל אינטערעסירען אונז דיא ארבייטער־מאסען. מען האָט נאָך געקענט פערשטעהן, וויא אזוי צווישען דיא ארבייטער קרייזען האָט דער „הוירסטיזמוס" פאר־א־יאָהרען געקענט געווינען א געוויסען באָדען. מיר קענען ניט אָבער גלויבען, אז אויך היינטיגען יאָהר זאָלען זיך געפינען פיעל ארבייטער, וועלכע זאָלען אויף אזוי וויט פערראטהען זיך, זייער קלאס, זייער אינטערעסען, די זאך פון דער פּראָלעטארישער בעפרייאונג, אז זיי זאָלען שטימען פאר איינער פון די צוויי קאפּיטאַליסטישע בודעל־קאנדידאטען און ניט פאר די איינציגע סאָציאַליסטישע קאנדידאטען.

דעם יאָהר, ווען דער הוירסטיזמוס האָט אלעמען אזוי פערראטהען און איז אזוי נידריג מאָראליש געזונקען; דעם יאָהר ווען דיא ארבייטער האָבען געהאט אזוי פיעל מעגליכקייטען צו לערנען זייער לאגע, צו פערשטעהען זייערע פריינד און פיינד; ווען עס האָט זיך אזוי קלאָהר ארויסגעוויזען אז קיין אנדער פּארטיי אויסער דיא סאָציאַליסטישע וויל אפילו קיין זאך ניט טהאָן פאר דיא ארבייטער; אין אזא קאמפּיין וואו נור צוויי אויסגעשפּראָכענע קאפּיטאַליסטישע בודעל פּארטייען זיינען עס דיא קאָנקורענטען פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי אויף דיא ארבייטער שטימען, וואָלט געווען א שמאך און א שאנדע, א פערראטה און פערברעכען ניט צו שטימען פאר דיא סאָציאַליסטישע פּארטיי, און אונזער האָפנונג איז גרויס אז צו אזא שאנדע וועלען דיא נויאָרקער ארבייטער ניט דערגעהן און אז דער סאָציאַליסטישער וואָוט וועט זיין גרויס און מעכטיג. ספּעציעל לייגען מיר גרויסע האָפנונגען אויף דיא אידישע ארבייטער פון דער איסט־סייד. דער ענערגישער קאמפּיין וועלכער ווערט אָנגעפיהרט אין נײנטען דיסטריקט מוז געבען פריכטע שוין. גענאָסע הילקוויט'ס ערוועהלונג אין קאָנגרעס איז געוואָרען פון א מעגליכקייט א פּאָליטישע נויטווענדיגקייט און מיר האָפען, אז דאָס וועט אויך געשעהן, און אז דיא אידישע בעפעלקערונג, וועלכע זיינען פאָרקעמפּפער פאר פרייהייט אין רוסלאנד, וועלען ווערען אויך דיא פאָרקעמפּפער פארן סאָציאַליזמוס אין אמעריקא.

* * *

עס איז היינט מעהר פאר קיינעם קיין ספק ניט אז אין נויאָרקער 9טען דיסטריקט האָט אונזער קאנדידאט זעהר גוטע שאנסען געוועהלט צו ווערען אין קאָנגרעסס, און ביי דעם ענערגישען קאמפּיין וואָס ווערט דאָרט אָנגעפיהרט איז זעהר מעגליך, אז דיא שאנסען זאָלען פערווירקליכט ווערען.

עס וואָלט אָבער געווען א טעות צו מיינען, אז דאָס איז דער איינציגער דיסטריקט וואו עס ווערט פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי זעהר טיכטיג געארבייט מיט דיא בעסטע אויסזיכטען אויף א ערפאָלגרייכע וואהל פון סאָציאַליסטישע קאנדידאטען. די „אינטערנעישיאָנאל סאָשעליסט רעוויאו" רעכענט אויס אין איהר אָקטאָבער העפט שעהנע עטליכע אזוינע דיסטריקטען. „אין דער איסט סייד פון נויאָרק — שרייבט דער רעדאקטאָר פון רעוויאו — רעדט מען וועגען שיקען גענאָסע הילקוויט אין קאָנגרעס. דיא מיינארבייטער פון פּענסילווייניא האָבען ווייניגס־

טענס איין קאנדידאט, וועמען זיי האפען צו זעהן נעכסטען ווינטער אין קאנגרעס. דיא ארבייטער פון שיקאגאער שלאכט-הייזער האבען מעהר וויא איין שאנס אויסצוּוועהלען א קאנגרעס-מאן. ארונטער, אין דעם דיסטריקט פון ספיקער דזשא קענאן, האט ער נור איין געגנער, וועלכער האט שאנסען, דאס איז דער וויים פרעזידענט פון דיא יונייטעד מיין-וואָרקערס, דער קאנדידאט פון דער סאָציאליסטישער פארטיי. אין וויסקאנסין זיינען אויך דא א פאר דיסטריקטען פון וועלכע א סאָציאליסטישער קאנגרעססמאן איז מעהר וויא א מעגליכקייט. גאנץ זיכער איז אז אין יענעם סטייט וועט פערגרעסערט ווערן דיא צאהל פון דיא סאָציאליסטישע פארשטעהער אין דיא געזעצגעבענדע קערפערשאפטען פון סטייט. איליינאיס וועט וואהרשיינליך שיקען אין דיא געזעצגעבענדע קערפערשאפט פון סטייט נאך איינינגע סאָציאליסטישע פארשטעהער, צו האלטען קאמפאניא מיט דיא פריהערדיגע צוויי. עס זיינען דא נאך איינינגע אנדערע סטייטס וואו מען ווארט נאך דעם האיאהריגען קאנפיין צו זעהן געוועהלט סאָציאליסטישע פארשטעהער. אין קאלאראדא רעדט מען זעהר פיעל וועגען ערוועהלען גענאסע היוואוד פאר א גאווערנאר, כאטש פיעל פון דעם איז ניטא וואס צו האלטען. אין דער סויטה האט מען ארויסגעשטעלט סאָציאליסטישע קאנדידאטען. בכלל פערשפרעכען דיא נעקסטע וואהלען צו פערגרעסערן זעהר שטארק דעם סאָציאליסטישען וואוט".

אזוי שילדערט דיא לאגע דער רעדאקטאר פון „סאָשיאליסט רעוויו," ער שילדערט קאלט, ניכטער, אהן הויכע פראזען, אהן גוזמאות און הימעל-שרייענדע פערשפרעכונגען. דער קאלטער, ניכטערנער איבערבליק ווייזט איהם אבער, אז דיא סאָציאליסטישע פארטיי האט זעהר גוטע שאנסען אויף ערפאלג און פאָרטשריט אין דיא פערשיעדענסטע ווינקעלעך פון לאנד און מיר ווילען האפען, אז דיא גוטע האפנונגען וועלען ערפיללט ווערן.

* * *

פון רוסלאנד האט דיא לעצטע צייט געגומען אויף אונז בלאזען קאלטע ווינטען, וועלכע בריינגען שווארצע וואלקענס. ובאמת, עס איז דא פון וואס אין פערצווייפלונג צו קומען, ווען מען דערמאנט זיך וואס פאר א טרויעריגע צושטענדע מיר האבען היינט דארט.

נאך קיין מאל, אפילו אונטער דיא שווידערליכסטע תליונים, וויא פלעהווע, טרעפאוו און דורנאווא, האבען דיא ווילדע בעסטיעס ניט פערגאסען אזוי פיעל אונשולדיגע בלוט, ניט געשטיקט, ניט געקוילעט אהן שום ברעקעל רחמנות, אהן שום ברעקעל צוריקהאלט, גאר אהן א חשבון און געקוילעט אויף רעכטס און אויף לינקס.

סעדליץ אליין איז דאך דיא געוואלדיגסטע אנקלאגע געגען דעם איצטיגען רעזשים. היינט דיא פעלד-געריכטען, דיא מיליטערישע און אנדערע תליונים איבעראל, וועלכע שיסען און היינגען, וועמען זיי פערגלוסט זיך נאך. היינט דיא איבערפיללטע טורמעס, דיא טויזענדער פערשטיקטע. היינט דער חושך מצרים, וואס הערשט אין רוסלאנד, דיא אונטערדריקונג פון דער פרעסע, פון פערזאמלונגען, דיא צושמעטערונג פון אלע ארגאניזאציאנען. היינט דיא שוואכקייט און צוריסענהייט פון דיא רעוואלוציאנערע פארטייען, און דיא אלגעמיינע נידערשלאגענהייט. היינט די חוצפה פון דיא רעאקציאנערען, דיא צוויושטקייט פון דיא שווארצע מאה'ניקעס. כ'לעבען עס איז דא מעהר וויא גענוג פון וואס צו קומען אין פערצווייפלונג, אויב... אויב מען זאל האלטען דיא היינט עקזיסטירענדע צושטענדע פאר פעסט און זייער עקזיסטענץ פאר געזיכערט אויף לייננגערע צייט.

אבער דאס איז בשום אופן ניט מעגליך. אין דיא צייט פון פריידען, וויא אין דיא צייט פון ליידען, אין דער צייט פון זיעג און אין דער צייט פון א נידערלאגע, דארף מען און מוז מען אין פאליטישע און סאָציאלע פראגען זיך שטעלען אויף דעם שטאנדפונקט פון געשיכטליכער בעטראכטונג. מען דארף און מען מוז זיך טיעפער איינטראכטען אין דעם געזעלשאפטליכען אינהאלט פון דיא פארקומענדע פאסירונגען.

מען טאר פאר קיין פאל ניט זיך לאזען פערפיהרען פון דיא געפיהלען פון פריידע און פערצווייפלונג. דיא רוסישע רעוואלוציאנערן האבען פאר-א-יאהרען אין דער צייט, נאך דעם זיעג פון 30טען אקטאבער, געלאזט זיך פארפיהרען פון זיעגס-געפיהל. זיי האבען פערלארען יעדער מאס פון קאלטער בערעכנונג און איבערלייגונג. היינט פאסירט גראדע דאס זעלבע מיט דיא גריבלער, סקעפטיקער און פעסימיסטען. הינטער דעם שווארצען פארהאנג פון דיא היינטיגע רעאקציאן בעמערקט זייער אויג ניט וואס עס געהט פאר אויף דער היסטארישער ביהנע.

* * *

און אויף דער היסטארישער ביהנע געהט פאר אין רוסלאנד דער ריעזען-קאמפף פון אלע נייע וואקסענדע כחות געגען איין אבלעבענדע און אבשטערבענדע קראפט, געגען דער זעלבסטהערשונג. דיא מאטעריעלע און גייסטיגע ענטוויקלונג פון רוסלאנד פאדערן מיט זייער גאנצער אייזערנער נויטהווענדיגקייט דעם זיעג פון דער רעוואלוציאן, דיא אבשאפונג פון דיא אונערטרעגליכע צושטענדע. דאס איז דער פעלזענפעסטער פונדאמענט, אויף וועלכע מען מוז בויען דיא אנזיכטען וועגען דיא רוסישע צושטענדע.

דאָס איז בכלל און בפרט, אויף דיא פראַגע: צו קען דיא היינטיגע רעאקציאָן אָנהאלטען לאַנג? מוז מען ענטפערן, פערגלייכענדיג דיא אלגעמיינע צושטענדען און בעדינגונגען היינט און פאַר־אַ־יאָהרען אין דער צייט.

דער אַלטער פעסימיסט און סקעפּטיקער צו אַלץ וואָס איז נגע דיא רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, יצחק אייזיק האָט אין דריי בריעף וועגען „דיא לאַגע אין רוסלאַנד“ אין דער „וואהרהייט“ געמאַכט תחת חרב דיא רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, זייער טאַקטיק, זייערע צושטיינדע און זייערע אויסזיכטען אויף דיא נאָהענטע צוקונפט. און דערפאַר קומט ער צו אַזוינע פּעסימיסטישע שליסע. אָבער, ווען מען בעטראַכט דיא צושטענדע היינט און פאַר־אַ־יאָהרען זעהט מען ניט גענוג אורזאַכען פאַר אזא פּעסימיזמוס.

דיא רעגיערונג האָט היינט ניט מעהר, נור וויניגער געלד וויא פאַר אַ יאָהרען. דער פינאַנץ מיניסטער אַליין האָט מודה געווען אַז קיין געלד איז ניטאָ, דער דעפיציט איז גרויס און קיין קרעדיט איז ניט צו בעקומען. דיא ארמיי איז היינט ניט מעהר — נור וויניגער טריי — איידער פאַר־אַ־יאָהרען אין דער צייט. דיא בויערן ניט זאַטער, נור הונגעריגער, ניט רוהיגער, נור אויפגערעגטער. דיא מיטלערע קלאַסען האָבען קיין אורזאַכע ניט צו זיין צופריעדענער. דיא אינטעליגענץ איז אזוי אויפגערעגט וויא ווען עס איז, דיא אונרוהען אין אוניווערזיטעטען, וועלכע הייבען זיך שוין אָן, ניט קוקענדיג אויף אַלע הנחות און פריעדליכע שטימונג פון ביידע זייטען, ווייזען עס. דיא אַרבייטער זיינען אַפילו אַביסעל פערמאַטערט, אַבהענדיג, אָבער דער הונגער, דיא נויטה, דיא אַרבייטסלאָזיגקייט, צוזאַמען מיט דיא שוידערליכע נגשות וועלען ניט לאָזען איינשלאָפען זייער רעוואָלוציאָנערע שטימונג.

אָבער, וועט מען אונז ענטפערן, יצחק אייזיק האָט דאָך בעוויזען אַז דיא רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען זיינען שוואַך, צוריסען, אָהן פּלענער, אָהן אַ בעשטימטע טאַקטיק. דאָס אַלץ מעג זיין ריכטיג ביז׳ן לעצטען וואָרט. אָבער מען דאַרף ניט פערגעסען אַז דיזעלבע צרה איז געוועזען פאַר־אַ־יאָהרען אין דער צייט און פיעלייכט און נאָך אַ שטאַרקערע מדרגה. דיא סאָציאַל דעמאָקראַטיע איז געווען נאָך מעהר צוריסען און האָט קיין אַנדער זאַך ניט געטהאָן וויא זיך נור געריסען צווישען זיך. דיא סאָציאַליסטיען רעוואָלוציאָנערען זיינען געווען קלענער און שוואַכער. קיין הונדערטער טהייל פון דיא טעראָריסטישע אַקטען וואָס ווערן איצט אָבגעטהאָן זיינען דאַן ניט אָבגעטהאָן געוואָרען. דיא „טרודאָוואַיאַ גרופּע„ האָט נאָך גאָר ניט עקזיסטירט און דער בויער איז נאָך כמעט בכלל ניט אָרגאַניזירט געווען. דיא קאַדעטען זיינען נאָך גאָר קיין ערנסטע פּאַרטיי ניט געווען. דיא פּרעס־פרייהייט און פערזאַמלונגס־פרייהייט זיינען געקומען ערשט נאָך׳ן זיעג און האָבען אָבגעהאַלטען פון אסתר־תענות ביז פּורים. קיין קלאָהרע פּלענער האָבען דיא רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען קיין מאָהל ניט געהאַט און ווען עס זיינען געקומען דיא גרויסע פּאַסירונגען האָבען זיי אַלע פערלאָרען דיא קעפּ.

דער אמת איז — און מיר האָבען עס אין פערלויף פון לעצטען יאָהר פיעל מאָהל בעוויזען אין אונזערע איבערזיכטען — אַז דיא רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבען קיין מאָהל ניט געפיהרט דיא רעוואָלוציאָן, נור זיי האָבען זיך נאַכגעשלעפּט נאָך דער רעוואָלוציאָן. זיי זיינען שטענדיג געקומען אַביסעל צו שפּעט, זיי האָבען קיין מאָהל ניט געהאַט דיא גרויסע מאַסען אָרגאַניזירט, און דאָך — דיא רעוואָלוציאָן איז געגאַנגען פאָרווערטס, ווייל זיא איז געטריבען געוואָרען פון דיא אומשטענדען, פון דיא מאַסען, געטריבען געוואָרען מיט דער אונגעהייערער קראַפט פון היסטאָרישער נויטווענדיגקייט. און זי וועט געהן אויך ווייטער פאָרווערטס. דיא נעכסטע רעוואָלוציאָנערע כוואַלעס וועלען זיין גרעסער פאַר דיא פריהערדיגע, ביז זיי וועלען אראָפּשווינקען דיא גאַנצע געביידע פון צאַריזמוס. פון דיא טיעפע קוועלען פון פאָלקס נשמה פליסען דיא כחות פון דער רעוואָלוציאָן — דערפאַר זיינען זיי אונערשעפּליך. רוסלאַנדס גליק, רוסלאַנדס צוקונפט, דער פאָרשריט פון דער מענשהייט היינגען אָפּ פון דעם זיעג פון דער רעוואָלוציאָן — דערפאַר איז דער זיעג אזוי זיכער.

פעראיינס-קאלענדאר

ארבייטער רינג

ברענטש 1, ניו־יארק.
מיטעט יעדען פרייטאג אין 414 גרענד סט. סעק. און האָספיטעלער פ. לעווין 259 ס. 9טע סט. ברוקלין. דר. טש. שווארץ 155 הענרי סט.

ברענטש 2, נויארק.
מיטעט יעדען שבת אין 1915 דריטע עוועניו. סעק. מ. דאווידאָוו 225 איסט 105טע סט. דאָקטאָר פישער 1443 לעקיסנגטאָן עוו.
האָספיטעלער ל. שטיין, 69 איסט 99טע סט.

ברענטש 4 ברוקלין נ. י.
מיטעט יעדען מיטוואָך אין 143 מעקקיבען סט. סעק. ד. אשינסקי, 25 מאָררעל סט.
דר. בלינטאנסטאן, 77 מעקקיבינס סט. האָספיטע־לער ב. קליין, 45 מאָררעל סטריט.

ניו יארק בר. נומ. 5.
מיטעט יעדען 2טען און 4טען פרייטאג אין 414 גרענד סט. סעק. טש. אייזענבערג, 677 מאָירטעל עוו. ברוקלין. האָספיטעלער — לעדער, 221 איסט 83טע סט. דר. מארגאָליס, 211 הענרי סט.

ברוקלין בר. נומ. 6.
מיטעט יעדען 1טען און 3טען פרייטאג אין מאָנאט אין 51 האָמבאלד סטריט. סעק. ס. הערמאן, 53 מאָרעל סטריט, האָספיטעלער ס. בלום, 135 וועריט סט. דאָקטאָר דז. קלינקאָווסטיין 77 מעקקי־בען סטריט.

ברענטש 8.
מיטעט יעדען פרייטאג אין 206 א. בראָדוויי. סעק. שטיינבערג 386 מעדיסאָן סט. האָספיטעלער מאראס, 51 ראָטגערס סט. דאָקטאָר ב. שלעזינגער 25 ראָטגערס סטריט.

פראָג. קלאָב ברענטש 9, באלטימאָר.
מיטעט יעדען מיטוואָך אין 139 אסקוים סטריט. סעק. וו. אלטשול, 1532 א. פייעט סט.

ברענטש 11 ברוקלין, נ. י.
מיטעט יעדען דיענסטאג אין סענטראל־האלל אין 410 סטאָן עוו. סעק. ס. הארוויץ, 299 סטאָן עוו. האָספיטעלער ב. עלענסאָן, 18 עמבאָי סט. דאָקטאָר מאנדעלבוים 329 סטאון עוועניו.

ברענטש 12 פילאדעלפיא, פא.
מיטעט יעדען צווייטען און פיערטען זונטאג, אין 203 פיין סט. סעק. ד. קאָהן 512 נאָרטה 10טע סטריט.

ברענטש 14, פראָווידענס.
מיטעט יעדען צווייטען און פיערטען זונטאג אין מאָנאט אין 218 נאָרטה מעין סטריט. סעקרעטער וויליאם באקסט, 128 נ. מעין סט.

ברענטש 17 ניו־הייווען, קאָנ.
מיטעט יעדען צווייטען און פיערטען זונטאג אין מאָנאט, אין מיוזיק האָלל, קאָורט סט. (2טען פלאָר). סעק. י. גליבער, 31 רעדהילד סט. האָספיטע־לער פ. קויפמאן 16 ראָזז סט. דר. בערסינסקי, 360 דזשאָרז סטריט.

האמלער פראָג. פער. בר., 20, א. ר.
מיטעט יעדען 2טען און 4טען שבת אין 98 פאָר־סייטה סט. סעק. קאזאנאָוו 67, צווייטע סט. האָספי־טעלער ל. שקאָלניק, 136 קאָלאָמביא סט. דאָקטאָר א. קאספּע 210 איסט בראָדוויי,

---

ברענטש 23, נוארק.
מיטעט יעדען 2טען און 4טען דינסטאג אין מאָ־נאט, אין שטיינפעלדס האָלל, קאָר. ברום און מאָר־טאָן סטריטס. סעק. י. אלפערט, 112 פעשיין עוו., האָספיטעלער א. גאָלדפיין 348 מאָריס עוו. דאָקטאָר ס. גאָרדאָן, 520 האי סט.

ברענטש 24, בראָנקס, נויארק.
מיטעט יעדען צווייטען און פיערטען פרייטאג אין מאָנאט אין 3393 דריטע עוועניו. סעק. ה. קאָהן 1706 וואשינגטאָן עוועניו.

ברענטש 27 ראָטשעסטער נ. י.
מיטעט יעדען ערשטען און דריטען מאָנטאג אין מאָנאט אין ווערנערס האָלל, דזשאָזעף עוועניו, קאָר. נעססאָו סט. סעק. רובענפעלד, 65 וועלד סטריט.

ברענטש 29 באפלאָ.
מיטעט יעדען 1טען און 3טען זונטאג אין קרייס האָלל 232 וויליאם סט., סעקרעטער ב. מילער 378 סענעקא סט., האָספיטעלער סאָל. קריססין, 303 וויל־יאם סטריט.

היברו עדיוקיישענאל ליעג בר. 31 ארבייטער רינג. לאָרענס מאסס.
מיטעט יעדען 1טען און 3טען זונטאג אין 313 קאממאן סט., סעק. דזש. קאנטאָר, 37 בעננינגטאָן סט.

ברענטש 32 שיקאגא.
מיטעט דעם ערשטען און דריטען דאָנערשטאג אין מאָנאט אין פרינטינגס האָלל 275 מעקסוויל קאָרנער האָלסטעד סט. פינ. סעק. פ. ריווקינד 923 וועסט 12טע סט. רעק. סעק. צ. סאבאר 475 סענטער עוועניו, האָספיטעלער זילבערט 167 הויסטינג סט.

ברענטש 33, באסטאן.
מיטעט יעדען ערשטען און דריטען זונטאג אין מאָנאט אין 164 קאנאל סט. 10 אוהר מאָרגענס. סעק. אין 154 איסט 54טע סט. סעק. נ. וויינבערג, 172 איסט 63טע סט.

ברענטש 35 ניו יארק.
מיטעט יעדען צווייטען און פיערטען מאָנטאג אין 154 איסט 54טע סט. סעק. נ. וויינבערג, 172 איסט 63טע סט.

פרייע געזעלשאפט, ברענטש 37.
מיטעט דעם 1טען און 3טען דיענסטאג אין מאָ־נאט, אין 214 ברום סט. סעק. לאפאן, 49 איסט 102טע סטריט. דאָקטאָר ב. נעלסאָן, 268 איסט בראָד־וויי, גרינגלעז 117 קאָלומביא סטריט.

ארשער און שקלאָווער פראָג. סאָס. בר. 39 נ. י.
מיטעט יעדען 2טען און 4טען שבת אבענד אין 83 פאָרסייט סט. סעק. ד. סארין, 4 איסט 113טע סט. האָספיטעלער גרינמאן, 89 לודלאָוו סט.

יאנג מענס פראָג. ברענטש 40 ניו־יארק.
מיטעט יעדען 2טען און 4טען פרייטאג אין 86 קלינטאָן סט. סעק. ס. בראָדקין, 235 א. 6טע סטריט, האָספיטעלער, מ. בערלינער 58 נאָרפאָלק סט. דר בלום 140 הענרי סט.

די צוקונפט

פיר יאנואר

וועט ערשיינען אונטער דער רעדאקציאָן פון יעקב מילך.

וועט ענטהאלטען צווישען אנדערע פאלגענדע אינטערעסאנטע און בעלעהרענדע ארטיקלען.

---

1) פון דער רעדאקציאָן

2) ליבעראלען און דיא ארבייטער פארטיי אין ענגלאנד — פון טה. ראָטשטיין

3) לעבען און קונסט — פון ל. ב. בודין

4) דער קאמפף פאר דעם לעבען (ביי חיות און ביי מענשען)
פון דר. אב קאספע

5) דער אָנפאנג פון דער אידישער ארבייטער בעוועגונג
(מאטעריאל פיר היסטאָריע) — פון מאָררים הילקוויטה

6) זשורנאליסטישע עראינערונגען — פון מאָררים ווינטשעווסקי

7) האָט דער „בונד“ געענדערט זיין פראָגראם — פון בן יקיר

8) שמשון (פאָעמא) — פון ה. רויזענבלאט

7) הייאוואטהא — לאָנגפעללא — יהואש

10) דיא כהנים אלס סעקטע — מ. פערלמאַן

11) דער פארטיי טאָג פון דער דייטשער סאָציאל דעמאָקראטיע
(פון אונזער ספעציעלען קאָררעספאָנדענט) — א. ש. זאקס

12) דער סאָציאליזמוס אין גאליציען — פון פיליפ קראנץ

13) פאָליטישער איבערבליק — פון יעקב מילך

14) ערצעהלונגען

15) רעצענזיעס

16) נייע ביכער.



פראָפ. ענריקא פעררי.

די צוקונפט

No. 12 DECEMBER 1906. Vol. XI

דער איטאַליענישער סאָציאַליזמוס.

פון ראָבערט מיכעלס.

דער סאָציאַליזמוס אין איטאַליען געפינט זיך איצט בלי ספק אין א קריזיס. פאַר דעם יאָהר 1892 האָט דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג אין איטאַליען ניט אָנגענומען קיין פעסטע פאָרמע. אזוי וויא זיא איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון פערשיעדענאַרטיגע טהיילען, האָט זיא אין זיך ענטהאַלטען אַ פערפלאָנטערטען קנויל פון פערשיעדענע מעטהאָדען און טאַקטיקען. עס האָט איהר געפעהלט יעדע היסטאָריש־פילאָזאָפישע סיסטעמאַטישע, איינהייטליכע טהעאָריע.

אין יאָהר 1892 איז געוואָרען אנדערש. נאָך דעם וויא דיא סאָציאַליסטען האָבען זיך אין גאַנצען אָבגעטהיילט פון דיא „געגען פאַרלאַמענטאַרישע סאָציאַליסטען“ אָדער אַנאַרכיסטען, איז דיא היינטיגע סאָציאַליסטישע פאַרטיי פון איטאַליען געגרינדעט געוואָרען מיט פאָלגענדע עקרים: „קלאַסענקאַמף מיט באַנוצונג פון פאַרלאַמענט און קאָלעקטיוויזמוס אין צענטראַליסטישער קליידונג“.

ביז דעם יאָהר 1900 איז דיא יונגע פאַרטיי געבליבען איינינ. דיא בורזשואַזיע און דיא רעגיערונג האָבען איהר ניט געלאָזען קיין צייט נאָכצוטראַכטען וועגען פּראַקטישע אויסנוצונג פון זייערע טהעאָרעטישע פאָדערונגען. דאַן, אין יאָהר 1900, איז אָבער געקומען דיא צייט פון איטאַליענישען רעגיערונגס ליבעראַליזמוס, וועלכע דויערט נאָך עד היום. ביז דאַן האָט מען דיא איטאַליענישע סאָציאַליסטען געגעבען צו פערזוכען נור דעם בייטש, פון דאַן אָן האָט מען געפּרובירט זיי געבען צוקער־ברויט. טוראַטי, וועלכער איז אין יאָהר 1898 פער'משפט געוואָרען פון קריעגס געריכט אין מאַילאַנד צו 12 יאָהר קאַטאָרזשנע אַרבייט, האָט אין יאָהר 1903 בעקומען אָנגעבאָטען דיא שטעלע פון א מיניסטער. עס איז געשעהן דאָס וואָס האָט געמוזט געשעהן: דיא געווערקשאפטס־בעוועגונג האָט גענומען זיך ענטוויקלען און אויפבליהען מיט א וואונדערבאַרער שנעלקייט און צו דערזעלבער צייט האָט זיך אויסגעוויעזען באַלד אַז דיא נייע פערהעלטניסמעסיג שטאַרקע פרייהייט, קען מעהר ניט צוזאַמענבינדען אַללע סאָציאַליסטען אויף איין וועג. און זייערע פערשיעדענע פונדאַמענטאַלע מיינונגען וועגען דער טאַקטיק און וועלכע דיא פאַרטיי דאַרף זיך האַלטען, האָט מיט זייער גאַנצער גרויסער יוגענדקראַפט געמוזט זיך דורכברעכען.

אַט אַזוי האָבען זיך שנעל געבילדעט און זיך ראַש ענטוויקעלט און אויסגעוואַקסען אין דיא לעצטע דריי יאָהר פערשיעדענע שטרעמונגען, וועלכע שטרעבען צו אַ זעלבסטשטענדיגע פּאָליטיק. דער וואונדערבאַר־שנעלער וואוקס פון דיא פערשיעדענע ריכטונגען אין דער איטאַליענער סאָציאַל דעמאָקראַטיע, ערקלעהרט זיך ערשטענס דערמיט וואָס אונטער דער דרום־זון וואַקסט בכלל אלץ שנעלער, און צווייטענס ווייל דיא איטאַליענישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי איז צוזאַמענגעשטעלט פון דיא פערשיעדענסטע עלעמענטען. דאָרט געפינט איהר ניט נור פאַבריק אַרבייטער, זאָנדערן אויך לאַנד־אַרבייטער, בויערן און קליינע פאַרמערס, קליינע און מיטע־

לע בעאמטע צווישען די מאסען און אדוואקאַטען און פראָפעסאָרען צווישען די פיהרער. זינט דעם יאָהר 1900 ווערן אויף יעדען פּארטיי־טאָג געגעבען שלאכטען. אין רוים (1900) און יאַמאלא (1902) זיינען די אונאבהייניגע און רעוואָלוציאָנערען בעזיעגט געוואָרען. אין באלאָגניא (1904) די רעפאָרמיסטען. זאָלען מיר זיך נעהענטער צוקוקען צו די שטרעמונגען.

1) די רעפאָרמיסטען (ריפארמיסיטי). דאָס איז דער רעכטער פליגעל פון דער פּארטיי. פיהרער האָבען זיי בעריהמטע, זיי זיינען די פּארלאמענטאריער אין דער פּארטיי. זייערע אָנהייננער זיינען זעהר שטארק צווישען די לאנדארבייטער. זייער פּאָליטיק בעשטעהט אין דעם, מען זאָל זיך צופּאסען צו די ארומיגע אומשטענדען. ניט חלילה אין די אידעאלען, נור אין דער טאַקטיק. זיי בעטראַכטען דעם קלאסענקאמפּף פאר אזא זאָרט געזעלשאַפטליכע ערשיינונג, וועלכע וועט אפילו אין גאַנצען פערשוואונדען ווערען ערשט דאַן, ווען די גאַנצע קלאסען־סיסטעם וועט פערניכטעט ווערן; אָבער די אָבשוואכונג און פערלייכטערונג פון די אויסערליכע פאָרמען פון קלאסען־קאַמפּף איז נאָך זייער מיינונג ניצליך פאר דאָס פּראָלעטאריאט אליין. זיי שטעהען דאפיר, אז די פערשיעדענע קלאַסען דארפען ארבייטען צוזאַמען דורך צופיהרען געוויסע רעפאָרמען. זיי זיינען געגנער פון די סאָציאליסטישע רעוואָלוציאָנערע פראזען, ווייל זיי שרעקען אָפּ די געגנער און שטערען די גענאָסען צו טהאָן רוהיג זייער רעפאָרם ארבייט.

אין סאָציאליזמוס גלויבען די רעפאָרמיסטען. דער סאָציאליזמוס איז אָבער פאר זיי א סך הכל פון רעפאָרמען, וועלכע מען קען דערגרייכען דורך לאנגזאַמע, פרידליכע, רוהיגע ארבייט פון דער דעמאָקראַטיע. זיי זיינען אויך ניט געגען דעם, אז סאָציאליסטען זאָלען שוין איצט, אין דער מאָנארכיע אפילו, איבערנעהמען אויף זיך די פעראנטוואָרטליכקייט פון א מיניסטער. זיי האָפען אז דורך דעם וואָס די סאָציאליסטען וועלען האָבען א חלק אין דער מאכט פון דער צענטראלער רעגירונג, וועט מען קענען אָבשאפען פון וועג פון סאָציאליזמוס א רייהע פון שטערונגען.

גענעראל סטרייק און געברויך פון געוואלד זיינען אין זייערע אויגען מיטלען, וועלכע מען קען אָנווענדען נור „אין בעשטימטע פעלע“, און אפילו דאַן דארף זייער ציעל בעשטעהען נור אין דעם דורכצופיהרען געוויסע רעפאָרמען, ניט אָבער ראדיקאל אומצווענדערן די געזעלשאפט. אז מען זאָל קענען דורך געוואלד ענדערן די עקזיסטירענדע אָרדנונג האלטען זיי בכלל פאר אונמעגליך.

פאר זייער הויפּט־אויפגאבע רעכענען זיי די פערשטארקונג און דעמאָקראטיזירונג פון פּארלאמענט און פון די לאָקאלע זעלבסט פערוואלטונג... און אין דיזער טהעטיגקייט זייערע רעכענען זיי אויף די הילף פון אויפגעקלעהרטען טהייל פון די בירגערליכע און קליינבירגערליכע קלאסען. מען זידעלט זיי דערפאר און מען רופט זיי אָפּאָרטוניסטען, פּארלאמענטאַריסטען, רעוויזיאָניסטען.

2) די סינדיקאליסטען, פּשוט'ער די טרייד־יוניאָניסטען, געפיהרט פון אויסגעקליבענע אוניווערזיטעטס פּראָפעסאָרען פון זיד־איטאליען (לאבריאלא, לעאָנע, לאָנאקא) צו וועלכע עס זיינען צוגעשטאַנען אייניגע ארבייטער־פיהרער (לארצארי). זיי זיינען די לעהרער און ערציהער, פּעדאגאָגען פון סאָציאליזמוס. זייער ערשטער ציעל בעשטעהט אין דעם צו ערוועקען און אָנצוהאלטען דעם געגענזאַץ פון קלאסען־בעוואוסטען פּראָלעטאריאט צו דער גאַנצער עקזיסטירענדער קלאסען־געזעלשאפט. דערפאר טרעטען זיי ארויס געגען די בערוהיגענדע ווירקונג פון פּארלאמענטאריזמוס מיט אזא שארפע קריטיק, אז מען האָט זיי גענומען פארווארפען אין נייגונג צום אנארכיזמוס, כאָטש זייערע פיהרער האָבען אליין שטענדיג אַנטהייל גענומען אין די וואהלען.

ווייל די סאָציאליסטישע פּארטיי וועט בענוצען דעם זעלבען מיטעל וויא אלע אַנדערע קאפּיטאליסטישע פּארטייען, דערפאר, האָבען זיי מורא אז די סאָציאליסטישע פּארטיי מוז זיך מיט יענע צומישען. צו דעם וועג טרייבט זיי אויך דער אומשטאַנד, וואָס די סאָציאליסטישע וועהלער געהערען אויך צו פערשיעדענע קלאסען. די סינדיקאליסטען זוכען דערפאר אריבערצוטראָגען ביסלעכווייז די הויפּט־געוויכט פון דער ארבייטער בעוועגונג אויף די רעוואָלוציאָנערע סינדיקאַטען (געווערקשאַפטען). פאר די סינדיקאַטען פּאסט נאָך זייער מיינונג די ראָלע בעסער ניט נור דערמיט אליין וואָס די פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקער, זאָנדערן אויך דערמיט וואָס זיי ענטהאלטען אין זיך שוין די קערנדלעך פון דער צוקינפטיגער סאָציאליסטישער אָרדנונג — די ארבייטער־גענאָסענשאפט.

פאר די פּראַקטיק רעקאָמענדירען די סינדיקאליסטען קודם כל די פּראָפּאגאנדא פון די סאָציאליסטישע אידעאלען. און זיי טהוען עס דערפאר, ווייל זיי גלויבען אז דער ערפאָלג און די שנעלקייט פון סאָציאליסטישען זיעג הייננט זהויפּטזעכליך אָפּ פון דער קאמפּפסשטעלונג פון די סאָציאליסטען געגען דער איצ־

טיגער געזעלשאַפט און געגען שטאַאט. די זאָרט סאָציאַלע רעפאָרמען, וועלכע פּאַסען צום ענד־ציעל קומען שוין ממילא דורך דעם דרוק פון רע־רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט. יעדע מיט־ארבייט דערביי איז אַן אומזיסטער פערלוסט פון צייט. דיא פּאַרלאַמענטאַרישע ארבייט פון דיא ארבייטער פערטרעטער בעשטעהט נור אין קאָנ־טראָלע און אין דער פּפליכט צו דערמאָנען אן די מענשענרעכטע און בירגער־רעכטע פון פּראָלע־טאַריאַט. אַלעס אַנדערע דאַרף מען איבערלאָזען דיא אָרגאַניזירטע מאַסען, וועמעס בעסטער און פּאַר דיא געווערקשאַפטען פּאַסענדער קאַמפּף־מיטעל איז דער גענעראַל סטרייק.

עס איז קלאָהר, אַז דיא ביידע ריכטונגען מוזען פּרובירען אויף פּראַקטיש איינע דיא אַנ־דערע אויסצושליסען אין א צייט, ווען ביידע ווע־גען פערשפּרעכען ערפאָלג, און מיט אַזא אימ־פּעט איינע אויף דיא אַנדערע זיך ארויפצו־ווארפען, אַז דיא פּאָליטישע טהעטיגקייט און איינפלוס פון דער פּארטיי זאָל דורך דעם פּאַראַ־ליזירט ווערען. דיא רעפאָרמיסטען האָבען אין גענוא עמפּפאַנגען דעם קעניג און איהם בעגריסט אַלס דעם וואָס בעקעמפּפט דיא דאָרטיגע קאַפּי־טאַליסטישע קליקע; דיא סינדיקאַליסטען האָבען דערפאַר ביי דיא וואַהלען אויפגעפאָדערט דיא אַרבייטער ניט צו שטימען פאַר דעם רעפאָרמיס־טישען קאַנדידאַט. אין פיעלע ערטער עקזיסטי־רען צוויי גאַנץ בעזונדערע סאָציאַליסטישע אָר־גאַניזאַציאָנען. מיט איין וואָרט פון רעכטס און פון לינקס האָט מען געפאָדערט אַז עס זאָל שוין נעהמען א סוף.

מען האָט געהאָפט, אַז דער רוימישער קאָנ־גרעס וואָס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען פון 7טען ביזן 11טען אָקטאָבער זאָל ברייננגען א בעשטימ־טע ענטשיידונג. דאָס האָט דער קאָנגרעס ניט געבראַכט. דער גרויסער מיטען פון דער פּאַרטיי, וועלכער האָט זיך פעראייניגט אונטער דעם נאָ־מען אינטעגראַליסטען (פעראייניגער פון דער פּאַרטיי) האָבען ניט דערלאָזען דערצו.

די אינטעגראַליסטען וועלכע ווערען אָנגע־פיהרט פון פּראָפעסאָר ענריקא פעררי און דעם דעפּוטאַט אדינא מאַרגארי, בעשטעהען צום גרעסטען טהייל פון רעפאָרמיסטען, פון וועמעס פּאָליטיק זיי אונטערשיידען זיך זעלטען, אָבער זיי זיינען פריינד פון אחדות, און דערצו אונ־טערשיידען זיי זיך פון דיא רעפאָרמיסטען דורך דעם וואָס זיי האַלטען פעסט אָן די טראַדיציאָ־נען און ווערטער פון דער פּאַרטיי און וואָס זיי ווילען ניט אַנערקענען דעם רעפאָרמיזמוס אלס א סיסטעמאַטישע טאַקטיק. זיי זיינען אויך גע־נייגט צו אונטערשטיצען מיניסטאָרען, דאָך נור פון „פאַל צו פאַל“.

אויף דעם קאָנגרעס אין רוים האָבען זיי אריינגעבראַכט א רעזאָלוציאָן, דורך וועלכע זיי טרעטען ארויס אויסדריקליך געגען די רעפאָר־מיסטען און סינדיקאַליסטען און קומען צום שלוס, אַז אין וואַהלקאַמפּף איז די פּארטיי אין פּרינציפּ אונאָבהענגיג און אַז די סאָציאַליסטי־שע דעפּוטאַטען דאַרפען קיין מאָל ניט אונטער־שטיצען קיין מיניסטעריום, סיידען נור אין אויסנאַהמספעלע.

אויף דער רעזאָלושאָן האָבען דיא אינטע־גראַליסטען פערשטאַנען צו פעראייניגען ארום 19 טויזענד שטימען אין דער צייט ווען דיא רע־פאָרמיסטען האָבען געהאַט נור 8000 שטימען און דיא סינדיקאַליסטען 3300. פון דיא 19000 שטימען האָט זיך אין לעצטען אויגענבליק אָבגע־ריסען א פיערטע גרופּע אינטעגראַליסטען, דער לינקער טהייל פון צענטער (לערדא, אַלבערג). פאַר זייער רעזאָלוציאָן האָבען זיי בעקומען 1000 שטימען.

דיא רעפאָרמיסטען האָבען נאָך א לאַנגען ישוב הדעת בעשלאָסען מסכים צו זיין צו דיזער רעזאָלוציאָן און פאַר איהר אָבצוגעבען אויף זייערע שטימען. זיי האָבען עס אָבער געטהאָן ערשט נאָך דעם וויא זיי האָבען איהר צוקלאַפּט דורך שאַרפע קריטיק און ביטערן שפּאָט. זיי האָבען עס געטהאָן צוליעב צוויי אורזאַכען. ער־שטענס האָבען זיי געוואָלט, אַז עס זאָל ניט אויסקומען, אַז ענריקא פעררי האָט דורך זיין רעזאָלוציאָן געהאַט א זיעג איבערן רעוויזיאָניז־מוס. צווייטענס אָבער האָבען זיי זיך ארומגע־זעהן, אַז כאָטש צו די טהעאָרעטישע פּרינציפּען פון דער רעזאָלוציאָן קענען זיי ניט מסכים זיין, דאָך אין דיא פּראַקטישע טהיילען פון דער רעזאָ־לוציאָן, זיינען אַזוינע וואָס קענען דיענען אַלס פונדאַמענט פאַר געמיינזאַמע ארבייט.

ענריקא פעררי האָט ערקלעהרט אין נאָמען פון זיינע פריינד אַז ער האַלט דעם שאַך־צוג פון דיא רעפאָרמיסטען צו שטימען פאַר א רע־זאָלוציאָן, וועלכע איז געגען זיי, נור ווייל זיא איז ניט גאַנץ קלאָהר און שאַרף אויסגעדריקט, פאַר א בעוויז אַז עס פעהלט ביי זיי פּארטיי־גענאָסענשאַפטליכע עהרליכקייט און אַז זיי אַליין דיא רעפאָרמיסטען, וועלען נאָך דערפאַר חרטה האָבען. דאָך מען מוז מודה זיין אַז א קלוגער גאַנג איז עס געוועזן. דער מיטען פון פּאַרטיי האָט דורך דעם בעקומען אין דיא אויגען פון פיעלע דעם אויסזעהן וויא א בעזונדערער מין רעפאָרמיזמוס, וועמען עס פעהלט דערמיט זיך אָפען ארויסצוזאָגען פאַר דיא רעפאָרמיסטישע טאַקטיק, כאָטש זיא איז גאַנץ אַנגענעהם פאַר זייערע נשמות.

מען האט געוואלט פייערן דעם קאנגרעס אלס דעם זיעג פון געזונדען שכל איבער דיא איבערטרייבונגען און איינזייטיגקייטען פון ביידע צדדים. מען האט אויסגערעכענט, אז יענע ביידע ריכטונגען האבען זינט דעם לעצטען קאנגרעס אין באלאניא (אין יאהר 1904) פערלארען אנהיינגער און אז בעזונדערס שטארק האט דער רעפארמיזמוס געליטען. ביידע בעהויפטונגען זיינען ניט ריכטיג. אין אמת'ן איז דיא רעזאלוציאן א קאמפראמיס. און דיא אינטעגראליסטישע ריכטונג איז בעצם נור געבויט אויף א קאמפראמיס. זיא בעשטעהט אין דעם וואס ארויסטרעטענדיג געגען ביידע ריכטונגען זאל מען דאך זעהען אז זיי ביידע זאלען בלייבען אין דער פארטיי.

און דאס האבען זיי אויך אויסגעפיהרט. כאטש דיא סינדיקאליסטען און רעפארמיסטען זיינען געקומען צום קאנגרעס אין דער איבערצייגונג אז עס וועט זיין גלייכער זיך פארנאנדערצוגעהן, דאך האבען זיי צום סוף מיט פערגעניגען זיך געהאלטען אן דיא איינהייט צוליעב דעם איינפאכען גרונד, ווייל זיי האבען זיך איבערצייגט, אז בלייבענדיג אין דער פארטיי וועלען זיי קענען בעסער פערשפרייטען זייערע אידעען, איידער אויסער דער פארטיי.

דיא פערשיעדענע ריכטונגען האבען געזוכט ארויסצוגעפינען דיא אידעען און פונקטען וואו זיי בעגעגנען זיך, וואו זיי קענען ארבייטען צוזאמען. דיא רעפארמיסטען האבען גע'טענה'ט, אז זעלבסטפערשטענדליך האלטען זיי, אז דיא בעפרייאונג פון ארבייטער קלאס איז מעגליך נור דורך דעם וואס מען וועט אוועקנעהמען דאס רויב ביי דיא רויבער און אז דער סאציאליזמוס און רעפובליקאניזמוס און אנטימיליטאריזמוס זיינען ביי זיי אין פלייש און בלוט אזוי טיעף אריבער, אז זיי האלטען מעהר ניט פאר נויטיג דאס אלץ יעדען טאג צו דערמאנען. דיא סינדיקאליסטען פון זייער זייט האבען ערקלעהרט אז אויסער געוויסע פונקטען זיינען זיי גאנץ צופריעדען מיט דער רעפארם־ארבייט פון דער סאציאל דעמאקראטיע. דער זיעג פון דעם פארטייִמיטען איבער רעכטס און לינקס איז **דער זיעג פון מאסען־געדאנקען, דער זיעג פון צובונד** צו דער פארטיי, דער זיעג פון דעם געדאנקען, אז עס וואלט איצט געוועזן ניט נור א פערברעכען, זאנדערן אויך א נארישקייט דיא מאסען, וועלכע מען האלט קום צוזאמען, צוצושפאלטען זיך און דאן פרובירען טרייבען פאליטיק אויפן אייגענעם חשבון.

איבערזעצט פון ב. ה.

* * *

וויסטו, אך, וואס וועט זיין שלאף־ליעדעל זיין?
שטימען פון צרות, שטימען פון פיין.
וויסטע געשרייען פון עלענד און נויט,
קרעכצען און זיפצען און אכצען פון טויט.
קלאנגען פון פייער־גלאק, קלאנגען פון שרעק —
אן אמבולאנס נעהמט וואו א הרוג אוועק.
פון הונדערטער־טויזענדער פיס דער געקלאפ,
פון מענשען, וואס געהען האלב־טויטע פון שאפ.
פון אלטע שבורים דער זידעל־געשריי,
פון טראללי צושניטענע קינדער דער וועה.
קללות, און חרמות, און מורא, און פיין,
דאס וועט, אך דאס וועט, זיין שלאף־ליעדעל זיין...

יואל סלאנים.

וואוהין זאָלען דיא אידען פאָהרען?

פון דר. י. מ. רובינאָוו.

אין מיין פאָריגען אַרטיקעל האָב איך געזאָגט, אַז איך וועל זעהן צו ענטפערן אויף דער פראַגע: וואוהין זאָלען דיא אידען פאָהרען און וואו זאָלען זיי זיך בעזעצען? דעם אמת זאָגענדיג, ווער איך עפּעס דערשראָקען, ווען איך נעהם זיך יעצט פאַר דער אַרבייט. וואָס פאַר אַ מורא'דיגע פעראַנטוואָרטליכקייט איך נעם דאָס אויף זיך! אָפּט הייבט דאָס: בעשליסען דעם מענשען'ס שיקזאַל. אָבער אָט שרעקען זיך דאָך ניט פיר דער פעראַנטוואָרטליכקייט די איבערצייגטע פרעדיגער פון דער „רעמוּאַיואַל"־טעאָרי.

זיי נעהמען זיך און שיקען אוועק ר' חיים'ען מיט דער ווייב מיט דיא קינדער ערגיץ אין אַ העק, אין אָשקאָש, קאַלאמאַזאָ אָדער ערגיץ אַנדערשוואו אין אַזוינע בעריהמטע שטעדט. ממה נפשך: וועט דעם ר' חיים'ען דאָרטען זיין גוט, וועט ער אנשרייבען אַ בעדאַנקונגס־בריעף — און דאַן וועט אָט דער בריעף זיין געדרוקט אין די בעריכטען פון דעם „רעמוּאוואַל־אָפּיס," וועט ער אָבער ניט אנשרייבען — וועט דאַן ר' חיים מיט זיין ווייב מיט דיא קינדער פערשריעבען ווערען אין דעם רייסטער פון דיא יעניגע, „פאַר וועמעס שיקזאַל דער „רעמוּאוועל אָפּיס" ביי זיין בעסטען ווילען האָט ניט געקענט נאָכקוקען," ווי עס וועט געזאָגט ווערען אין דעם אָפּיציעלען בעריכט.

מילא, אַזאַ שווערע פעראַנטוואָרטליכקייט נעהמען מיר אויף זיך ניט, שוין דערפאַר, וואָס קיין געלד דיא אימיגראַנטען גיעבען מיר ניט, אַפילו קיין אומזיכטע בילעטען אויף צו פאָהרען אויך ניט. מיר גיעבען דאָ נאָר עצות, און אַ קלוגער איד איז דאָך ניט אַזאַ בעלן צו פאָלגען אַן עצה פון אַ פרעמדען מענשען. אגב, פיהר איך דאָך דאָ ניט קיין שמועס מיט האַצקלען, נאָר איך רעד דאָך דאָ מיט אייך, לעזער, וועגען דעם שיקזאַל פון דער רוסיש־אידישער מאַסע אין אמעריקא בכלל. און דאָס איז דאָך בעוואוסט, אַז עס איז אַ סך גרינגער ארומצורעדען דאָס שיקזאַל פון אַ גאַנצען פאָלק, איידער צו בעשליעסען דאָס שיקזאַל פון איין מענשען.

אַלזאָ, וואו איז דעם אידען בעסער? אין מיין פאָריגען אַרטיקעל האָב איך בעוויעזען, אַז דעם אידישען שניידער לעבט זיך אין ניו־יאָרק בעסער איידער אין פיעלע אַנדערע שטעדט: אי דיא אַרבייט בעצאָהלט זיך בעסער, אי עס איז ווענינער פרויען־און קינדער־אַרבייט. אויף דעם ווע‍לען אונז אָבער דיא פערוואַלטער פון דעם „רעמוּאוועל־אָפּיס" ענטפערן: „וואָס רעדט איהר אונז וועגען שניידער? דיא שניידעריי הרג'עט אוועק דעם אידישען אַרבייטער, זיא גראָבט אונטער דאָס געזונד פון דער אידישער מאַסע. דערפאַר סטאַרען מיר זיך צו דערווייטערען דיא אידען פון ניו־יאָרק, אום אָבצורייסען זיי פון דער נאָדעל און דער מאַשין. יעדער ארויסגעשיקטער איד פון נויאָרק, וועלכער ווערט אָבגעריסען פון דער נעה־מאַשין, ברענגט נוצען דעם אידישען פאָלק."

אַזוינע פראַזען וועט איהר טרעפען אין דיא בעריכטען פון דעם „רעמוּאוואַל־אָפּיס," דאָס איז אַפילו אַ שיין ליעדעל, לאָמיר אָבער אַ קוק טהון, צו דאָס שטימט מיט דער <u>ווירקליכקייט</u>.

פערטהיידיגען דיא נעה־מאַשין וועל איך ניט. דאָס איז אָהן ספק, אַז דיא מאַשין, אָדער ריכטיגער געזאָגט, ניט זיא זעלבסט, נאָר דיא מענשען, וועלכע טרייבען אונטער דיא וואָס אַרבייטען ביי דער מאַשין, טרייבען אריין אַ סך אידען אין שווינדזוכט. פון דעסטוועגען אָבער זעהר מגזם צו זיין דעם שאדען, וואָס דיא מאַשין ברענגט, דאַרף מען ניט. אָט דיא מאַשין האָט געהאָלפען הונדערטער טויזענדער רוסישע אידען שטעלען זיך אויף דיא פיס אין דעם משך פון דיא לעצטע יאהרען, און דיא מאַשין איז ניט ערגער פאַר דיא קוילען־גריבער, אייזען־גיעסערייען, וועבער אָדער שפּינער־שטוּהל — וואו עס קריגען די שווינדזוכט דיא אונגאַרען, סלאָוואַקען, שאָטלענדער, אירלענדער און דיא אמת'ע אמעריקאַנער. הקיצור, מען דאַרף ניט אין דער עקאָנאָמישער פראַגע שטעלען זיך אויף אַ ריין־קלייזעלדיגען שטאַנדפּונקט און בעשולדיגען איין צווייג פון אַרבייט פאַר דיא זינד פון דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם.

אָבער דאָס איז נאָר אגב אורחא. אין דעם שטרעבען צו העלפען דיא אידען צו פערשפּרייטען זייערע ענערגיע אויף אלע צווייגען פון ארבייט, זעהען מיר ניט קיין שלעכטס. דיא הויפּט־פראגע אָבער בלייבט ניט פערענטפערט:

„איז דאָס ווירקליך אזוי, אז ווען מיר העלפען דעם אידען אוועקצופאָהרען פון ניו־יאָרק אין אן אנדער שטאָדט, הייסט דאָס דאָן, אז מיר טראָגען איהם אריבער פון דער שניידעריי אין אן אנדערע בעסערע מלאכה? העלפט טאקע ווירקליך דער „רעמואוואל־אָפיס" דיא אידען ארויסצוקריכען פון דער שניידעריי?"

אין יאָהר 1904 זיינען פון נויאָרק ארויסגעפאָהרען מיט דער הילף פון דעם אָפיס אין פערשיעדענע 300 שטעדט — 6,000 מענשען; פון זיי זיינען ביי א 3,000 מענשען גאָרניט ארויסגעפאָהרען אין קליינע אמעריקאנישע שטעדט, נאָר אין אזעלכע, וויא שיקאגאָ, סינסינעטי, קענזעס סיטי, מילוואָקי, סט. לואי, סאן־פראנציסקאָ, קליוולענד, ראָטשעסטער, סט. פאול, מינעאנאַפּאָליס און דעטראָיט — אין גאנצען 10 שטעדט.

לסוף זעהען מיר, אז אויף דיא אלע רוסיש־אידישע א ר ב י י ט ע ר (נאָך'ן רעכנונג, וואָס מיר האבען געמאכט לויט דיא ציפערן פון דעם צענזוס אין יאָהר 1900) קומט אוים אויף דיא נעה־אַרבייט אין ניו־יאָרק 58 פּראָצענט, אין סינסינעטי 35 פּראָצענט, אין קליוולענד 41 פראָצ. אין מילוואָקי 42 פּראָצ. אין שיקאגאָ 46 פראָצ., אין סאן־פראנציסקאָ 59 פראָצ. אין לואיזוויל 63 פראָצ. אין סט. לואי 66 פראָצ. אין ראָטשעסטער 80 פראָצ. א. אזוי. וו. מיט אנדערע ווערטער הייסט דאָס, אז אויך אין דיא שטעדט זיינען דאָס רוב אידישע ארבייטער — שניידער, און אין פיער שטעדט איז דער פּראָצענט א סך גרעסער, וויא אין ניו־יאָרק. פאָלגליך, העלפענדיג דאָ. דעם אידישען ארבייטער אריבערצופאָהרען פון ניו־יאָרק קיין ראָטשעסטער, האבען מיר איהם ניט געהאָלפען צו ווערען אנשטאט א שניידער א שלאָסער: דערזעלבער שניידער איז ער געווען און דערזעלבער שניידער איז ער פערבליבען.

עס איז אָבער פאראן א ביסעל אמת אויך אין דיא ארגומענטען פון דעם צווייטען צד. אויב מען זאָל מיט קאָפּ זיך ארייַנקוקען אין דער סטאטיסטיק פון דיא בעשעפטיגונגען פון דיא רוסישע אידען אין דיא פערשיעדענע אמעריקאנער שטעדט, וועט מען דאָן זעהן, אז אין אנדערע שטעדט נעהמט זיך דיא קלענערע צאהל אידען פאר ארבייט און דיא גרעסערע — פאר מסחר. אזוי, אין ניו־יאָרק זיינען פון א 100 אידען 63 געווען אינדוסטריעלע ארבייטער און 27 סוחרים. לאָמיר זשע א קוק טהאָן, וויא עס האַלט מיט דעם אין אנדערע שטעדט.

	ארבייטער	סוחרים
ניו יאָרק	63 פּראָצ.	27 פּראָצ.
פילאדעלפיא	65 "	24 "
שיקאגאָ	44 "	36 "
סינסינעטי	50 "	39 "
לואיזוויל	52 "	42 "
מילוואָקי	39 "	48 "
סט. לואי	56 "	36 "
סאן־פראנציסקאָ	30 "	51 "
קליוולענד	46 "	34 "
פיטסבורג	43 "	36 "
דעטראָיט	37 "	55 "
באלטימאָר	70 "	21 "
האַרטפאָרד	40 "	44 "

א. ז. וו.

איז דאָס ווינשענסווערטה, אָדער ניט? פערגעסט אויף א ווײלע, מיין געעהרטער לעזער, סאָציאליזם; פערגעסט אייער שנאה צו דער בורזשואזיע און צו דעם קאפּיטאַל — און פרעגט דאן זיך אליין, אלס אידען, וועמען עס איז טהייער ניט נאָר דיא פּאָליטישע, נאָר אויך דיא מאָראַלע בעפרייאונג פון זיין פאָלק: צו דארף מען זעהן מאכען אידען פאר סוחרים, אָדער פערקעהרט, צוציעהען זיי צו פּראָדוקטיווע ארבייט?

קען מען דען פערגעסען אן דעם, וואָס דיא גאנצע געשיכטע פון דיא רדיפות אויף דיא אידען ערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין דעם משך פון 1000 יאָהר זיינען זיי געווען פערמיטלער, סוחרים און געלד־מענשען? קען מען דען פערגעסען אן דעם, וויא דאנקבאר עס דארף זיין די גייסטיגע קולטור פון דעם רוסישען יודענטהום אין אמעריקא דעם פאקט, וואָס דער איד ווערט א אינדוסטריעלער ארבייטער? דארף מען נאָך דען דאָס בעווייזען, אז אזא מין פערוואנדלונג פון א לופט־מענש אין א פּראָדוקטיווען ארבייטער איז דיא שטאַרקסטע און דיא בעסטע סגולה אויף צו פערניכטען דעם אנטיסעמיטיזמוס און, אלס סאָציאליסטען, קענען מיר דען פערגעסען דעם אונטערשיעד צווישען דיא געזעלשאפטליכע אידעאלען פון דעם רוסיש־אידישען פּראָלעטאריאט און דער דייטשיש־אידישער בורזשואזיע?

א חוץ אָט דיא אַלגעמיינע ארגומענטען געגען דעם, וואָס מען זעהט אויפצורייצען דעם סוחרישען אינסטינקט ביי דיא רוסיש־אידישע אימיגראַנטען, איז פאַראַן נאָך איין ארגומענט: דיא סוחרי׳שע טהעטיגקייט פון דיא אידישע אימיגראַנטען דריקט זיך אויס אין פעדלען און נאָך דאָרטען אזוינע צווייגען פון דעם אויף־מיר־מסחר! דיא אַלטע תושבים פון דער רוסיש־אידישער קאָלאָניע געדענקען מסתמא גאַנ׳ץ גוט, אַז מיט 20 יאָהר צוריק איז פעדלעריי געווען פאַר דיא ערשטע אידישע אימיגראַנטען דער הויפּט־קוואַל פון חיונה. פערגלייכט זשע יעצט דעם דערשלאָגענעם, שטילען, דערשראָקענעם פעדלער מיט דעם היינטיגען אידישען אימיגראַנט און גיט נאָר דאַן א טראַכט, וואָס פאַר א פראָגרעס דאָס איז! אין ניו־יאָרק, דאַנקען גאָט, איז אין יאָהר 1900 פון אַלע בעשעפטיגטע מענער אידען געווען 5 פראָצענט פעדלער; אין סינסינעטי — 12 פראָצ.; אין שיקאַגאָ — 8 פראָצ., אין קליוולענד 14 פראָצ., אין דעטראָיט — 22 פראָצ., אין מילוואָקי — 18 פראָצ., אין ראָטשעסטער — 13 פראָצ., אין סט־לואי — 10 פראָצ., א. אז. וו. א. אז. וו. זעהען מיר, אַז וואָס קלענער דיא שטאָדט איז, אַלץ גרעסער איז דער פראָצענט פון דיא פעדלערס. דאָס זעלבע קען מען זאָגען אויך וועגען דיא איבעריגע קליינינקע סוחרים׳לעך. אין ניו־יאָרק זיינען זיי געווען 10 פראָצ. פון אַלע מענער־אידען; אין שיקאַגאָ — 12 פראָצ; אין סינסינעטי — 12 פראָצ; אין קליוולענד — 13 פראָצ; אין דעטראָיט — 20 פראָצ; אין מילוואָקי — 15 פראָצ; אין סט. לואי — 16 פראָצ; א. אז. וו. א. אז. וו. אמת, פון פעדלען אָדער פון א קליין קרעמעלע קען חיים אַן אַנדערש מאָל פערדיענען מעהר געלד, וויא אַן ארבייטער ביי דער מאַשין; אָבער אונז אינטערעסירט דאָ דאָס שיקזאַל פון דער אידישער מאַסע, און פאַר איין חיים׳ען אָדער פאַר צעהן אזוינע קימערט אונז ניט.

דער וואָס האָט כאָטש א קורצע צייט געוואָהנט אין דיא אידישע קווארטאַלען פון דיא שטעדט, וועט ער גלייך א כאַפּ טהאָן דעם אונטערשיעד. דיא פראָפעסיע מוז זיך אָבשפּיעגלען אויף דעם מענשען׳ס פסיכאָלאָגיע. דיא פסיכאָלאָגיע פון א פעדלער אָדער פון א קרעמער איז אין גאַנצען אַן אַנדערע, וויא דיא פסיכאָלאָגיע פון אַ ניו־יאָרקער אידישען ארבייטער; און יעדער אינטעליגענטער אָדער אַזוי פרישער מענש לויפט פון דער שטיקענדער אטמאָספערע צוריק קיין ניו־יאָרק. דאָס איז דיא אטמאָספערע פון דיא מענשען, וועלכע לייענען אנשטאָט דעם „פאָרווערטס“ — דעם „אמעריקאַנער“ און אַנשטאָט דער „צוקונפט“ — דיא „אידישע גאַזעטען.“ דאָ האָט איהר צו טהאָן מיט דער פסיכאָלאָגיע פון אזוינע מענשען, וועלכע פערהאַלטען זיך פיינדליך צו אַלצדינג, וואָס איז פּראָגרעסיוו. עס מאַכט אָבער ניט אויס, וויפיעל אָט דיא פעדלער און קרעמער זאָלען ניט פערדיענען — איך וועל אַלץ שרייען דאָס־מייניגע; איך וויל ניט, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל פון דאָס־נייע ווערען א פאָלק פון סוחרים און פראָצענטניקעס, און דערפאַר בעגרים איך דיא קאָנצענטראַציע פון דער אידישער אימיגראַציע אין עטליכע גרויסע צענטערען, וויא ניו־יאָרק, פילאַדעלפיא, שיקאַגאָ און אַנדערע שטעדט, וואו נער וואָהנען אין ניו־יאָרק הונדערטער טויזענדע גרופּען.

שרעקט מיך ניט מיט׳ן שרעקליכען וואָרט „גהעטטא“: א פריוויליגע קאָנצענטרירונג פון מענשען פון איין קלאַס הייסט ניט קיין געטא. דיא אירלענדער, דיא דייטשען, דיא איטאַליענער וואָהנען אין ניו־יאָרק הונדערטער טויזענד, און פון דעסטוועגען שרייעט קיינער ניט וועגען אַן איטאַליענישען גהעטטא.

א חוץ דיא „קליינע שטעדטלעך“, איז פאַראַן נאָך אַן אָרט, וואָס מען רעקאָמענדירט דיא אידישע אימיגראַנטען, און דאָס איז דיא „סאוטה“. אהין רופען שוין דיא אידען דיא איינוואָהנער פון דער „סויטה“ זעלבסט, אמת׳ע אמעריקאַנער. אין דער־צייט, וואָס אין דער „נאָרטה“ פערהאַנדעלט זיך ערנסט דיא פראַגע וועגען דיא בעשרענקונג פון דער אימיגראַציע, רופט צו זיך דיא „סויטה“ מיט אַלע קרעפטען דיא אידישע און אַלע אַנדערע אימיגראַנטען. דיא אַגענטען פון דיא זידליכע שטאַאַטען דרעהען זיך ארום צווישען דיא אידען אין ניו־יאָרק און רעדען זיי איין צו פאָהרען אהין. איך האָב זיך אויך געטראָפען אין ניו־יאָרק מיט דיא אַגענטען. עס איז פאַראַן אַפילו א געזעץ, לויט וועלכען עס ווערט שטרענג פערבאָטען אריינצופיהרען פערקאָנטראַקטירטע ארבייטער, פון דעסטוועגען האָבען אָנגעהייבען שוין אריינגעהן אין דיא זידליכע פּאָרטען שיפען, אָנגעפּאַקטע מיט אין אייראָפּא צונויפגעקליעבענע אימיגראַנטען.

ערלויבט מיר אבער איך צו פרעגען, לעזער, וואס אזוינס צווינגט דאס פיעלע צייטונגען צו געבען עצות דיא אידען צו פאהרען אין דער „סויטה ?" וואס אזוינס צווינגט דאס דער „סויטה" צו רופען צו זיך דיא אידען ? דיא ליעבע צו זיי אדער אפשר גאר דיא אייגענע טובה ? יא, דיא נארטה ווערט רייך אויף דער רעכנונג פון דיא אימיגראנטען, ווייל דיא סויטה אויך רייך ווערען.

דיא סויטה דארף האבען ארבייטס־קראפט. זיא דארף האבען מענער אויף אראבצונעהמען די בוימוואהל פון דיא פעלדער אונטער דער העכס־טער דרום־זון; דיא סויטה דארף האבען פרויען און קינדער צו ארבייטען אויף דיא בוימוואהל־פאבריקען. דיא הויפט־זאך איז אבער, וואס דיא סויטה דארף האבען ארבייט פאר ביליגען לוין, ווארום צו ביליגע ארבייט איז דיא סאוטה איינ־געוואהנט. מיט ביליגער ארבייט האט זיא זיך איינגעלעבט.

40 יאהר זיינען נאך דעם בירגער־קריעג, אבער דיא סאוטה האט נאך אלץ ניט פארגעסען דיא צייטען פון שקלאפעריי. דארט טרייבט מען אונטער דעם ארבייטער ניט דורך דעם, וואס מען סטראשעט איהם צו ענטזאגען פון זיין פלאטץ, וויא עס טהוען עס דיא קאפיטאליסטען פון דיא נארד־סטייטס, נור מיט א בייטש און מיט'ן אנגעלאדענעטען רעוואלווער טהוט מען עס, עפטער אויך דורך יאגד־הינד. פעלע פון האלב־שקלאפעריי (פעאנאגע) באגעגענט מען אין דער סאוטה זעהר אפט און ניט נור בנוגע נע־גערס, זאנדערן אויך דיא ווייסע ארבייטער, און אלס קרבנות פון דער ארבייט־סיסטעם זיינען שוין געווארען ניט איין מאל אויך אידען.

וועגען דיא לאגע פון דיא אידישע ארביי־טער אין דער סאוטה זיינען ניטא קיינע פאק־טען, דערפאר זיינען זעהר גוט בעקאנט פאלגענ־דע פאקטען. דיא ארבייט אויף דיא פאבריקען דויערט מעהר וויא 10 שטונדען, עפטער 11½ אדער 12 שטונדען, אין דיא דארטיגע פאבריקען בעקומען פרויען גיכער ארבייט איידער מענער. דער לוין איז 25 — 30 פראצענט ניעדריגער וויא אין דיא נארד־שטאאטען. דער אלגעמיינער לע־בענסצושטאנד איז ניעדריגער, וויא אין דיא נארד־שטאאטען, קוים העכער וויא אין רוסלאנד. דיא ארבייטער ארגאניזאציאנען זיינען וועניג און שוואך. דיא געזעצגעבונג קימערט זיך וועניג וועגען דיא ארבייטער און דיא געזעצע, וואס עקסיסטירען צו גונסטען פון דיא ארבייטער, ווערען ניט אבגעהיט. קיין איינציגער סאוטה־שטאאט האט ניט קיין פאבריק־אינספעקציאן.

דאס אלץ וואלט מען געקענט בעווייזען מיט פיעלע סטאטיסטישע צאהלען. אבער דאס איז קוים נויטהיג, ווייל דיא פאקטען זיינען גענוג בעקאנט. ווען קאפיטאל שרייט נאך אלץ אין דער סאוטה, אז „מען דארף פערלייכטערען דעם אר־בייטס־מארק," איז עס נור דערפאר, ווייל דיא שנעלע ענטוויקלונג פון קאפיטאליזמוס האט ארויסגערופען א שטארקע נאכפראגע אויף אר־בייטס־קרעפטען, און ווייל דורך דעם באמערקט זיך א געוויסע שטרעבונג צו העכערען דעם אר־בייטס־לוין. עס וועלען אבער אוועקגעהן פיעל־לייכט 10 יאהר, פיעללייכט מעהר איידער דיא לאגע פון דיא ארבייטער אין דער סאוטה וועט זיך קענען אויסגלייכען מיט דיא לאגע פון דיא ארבייטער אין דיא נארד־שטאאטען.

אונטער אזוינע בעדינגונגען איז דיא סאוטה בלי־ספק ניט קיין געווינשטער ארט פאר דיא אידישע ארבייטער.

דיא סאוטה נויטהיגט זיך אין לאנד־ארביי־טער. אבער דיא לאגע פון לאנד־ארבייטער איז זעהר ניט קיין אנגענעהמע אין אלע לענדער, און אין דער סאוטה איז דיא לאגע גאר אן עקעל־האפטע. אזא שיקזאל קען ווינשען דיא אידען נור דיא „נאוואיע וורעמיא."

דיא סאוטה נויטהיגט זיך אין פארמערס. אדער פילייכט איז דאס אויך ניט אין גאנצען אמת. דיא סאוטה פראדוצירט ביימוואהל פאר גאנץ אייראפא, און ווען עס איז ניט קיין גערע־טעניש אויף דעם, דאן הויבען זיך דיא פרייזען זעהר הויך און דיא פארמערס פון דער סאוטה פערדיענען זעהר גוט. זיי דארפען קוים נייע קאנקורענטען. נייע פארמערס זיינען אבער נוי־טיגט פאר דיא אייזענבאהנען, זיי זיינען נויטיג פאר דיא דארטיגע סוחרים, און נויטהיג זיינען זיי פאר דיא ספעקולאנטען מעהר וויא אלעמען און פאר דיא, וואס האבען גרויסע שטיקער לאנד.

אין צפון קאסט א גוטער אקער לאנד 100 ביז 150 דאלאר. אין דער סאוטה קען מען עס נאך באקומען פאר 10—5 דאלאר, באזונדערס ווען די ערד איז ווייט פון אייזענבאהן, און דיא גוטס־בעזיטצער פון דער סאוטה פרעגען זיך: פאר־וואס זאלען מיר ניט פארקויפען דיא ערד פאר א העכערען פרייז ?

צו דארף דער איד פאהרען אין דער סאוטה ווערען א פארמער ? אויף דעם וועל איך ענט־

פערן מיט אנאנדער פראגע: צו וויל דער איד פאהרען אין דער סאוטה ווערען א פארמער?

דיא פראגע וועגען דיא אידישע ערד־ארבייט איז א געפעהרליכע פראגע. מיר נעהמען אויף זיך ניט צו געבען אויף דעם א ענטשיעדענעם ענטפער. אבער וויא מיר זאלען ניט פארענטפערען דיא טהעארעטישע פראגע: אויף וויא וויים דער איד טויג צו דער ערד־ארבייט און וועגען דיא ראלע פון ערד־ארבייט און דער צוקינפטיגער געשיכטע פון דער יודענ־פראגע. איין זאך איז דאך זיכער אז פראקטיש, אין דעם איצטיגען היסטארישען אויגענבליק איז דער גרעסטער טהייל פון דיא אידישע אימיגראנטען ניט מסוגל צו ערד־ארבייט און וויל עס ניט.

אמת, אין דיא לעצטע יאהרען האבען גענומען אנקומען אין אמעריקא אידען ערד־ארבייטער פון דרום־רוסלאנד, אבער צו קויפען ערד איז ערשטענס נויטהיג געלד און צו פיהרען א פארם מיט ערפאלג, איז נויטהיג ערפאהרונג און בעקאנטשאפט מיט דיא לאקאלע בעדינגונגען. דער אידישער ערד־ארבייטער פון דרום־רוסלאנד, ווען ער זאל אוועקפאהרען אין דער סאוטה מוז ער פראדוצירען גאנץ אנדערע פראדוקטען און אונטער גאנץ אנדערע בעדינגונגען. און וועלכע, כולם, וויא קען א איד, וועלכער באשליפט זיך צו קויפען אין דער סאוטה א פארם וויסען אז ער קויפט ניט קיין יקרות? ער קען ניט פערגלייכען מיט דיא רוסישע מקחים, ווייל דארט איז ערד פיעל טהייערער.

איבריגענס דאס אלץ זיינען נור איינצעלהייטען און פאר א אידען אן ערד־ארבייטער האט פיליכט א זין צו פרובירען גלייך אין דער סאוטה.

אבער ווען אין דער סאוטה וועט אוועקפאהרען אן אידישער ערד־ארבייטער, פרעגט זיך דאן, וועלכע שאנסען האט ער דאן מעהר? צו וועט ער ווערען אן ארבייטער, א פארמער אדער א סוחר?

זאלען מיר ריידען אפען. דיא אנטיסעמיטען וועלען ניט הערען וואס מיר ריידען און איינע פאר דיא אנדערע דארפען מיר זיך דאך ניט שעהמען.

דער איד האט א תשוקה צום מסחור. דיא היסטאריע האט געשאפען דיא תשוקה. דיא צושטענדע אין ניו־יארק גיעבען א א גרויסען טהייל אידען דיא מעגליכקייט דיא תשוקה צו ערפילען, איך חזר איבער, מיר דארפען זיך דערמיט ניט שעהמען. אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט איז דער האנדעל אפילו דער קליינ־האנדעל, פארבונדען מיט פיעל גרעסערע פארטהייע, איידער דיא פאבריק־ארבייט און ווער עס איז קליגער און פראקטישער דער זוכט א בעסערע בעשעפטיגונג, וואס זאל זיין גרינגער פאר זיך.

אין ניו־יארק וועט א איד קוים קענען איבערשפיטצלען אן אמעריקאנער אנדערש — אין דער סאוטה. דיא ווייסע מאסע איז פויל און פול פון אריסטאקראטישע פעראכטונג צו ארבייט; דיא שווארצע מאסע איז פויל און גראב, ניט גע־בילדעט, און נאיוו. דיאביידע מאסען זיינען דאס בעסטע מאטעריאל פאר דיא גרעסטע עקספלואטאציאן ניט נור אין דיא הענד פון דעם ארבייט־געבער, זאנדערן אויך אין דיא הענד פון סוחר און מעקלער, און — מען דארף זיך ניט אבנארען — ווען מען טרעפט זיך מיט אזוינע מענשען, ענטוויקעלט זיך ביי דעם קלוגען און ביטרען אידען א שטארקער יצר־הרע און דער רעזולטאט איז אז דער גרעסטער טהייל פון דיא אידען, וואס באזעצען זיך אין דער סאוטה ווערען ניט נור סוחרים, גאנץ פראקטישע און בעזונדערס רייכע, זאנדערן אויך מעקלערס און... פראצענטניקעס.

אויב דיא אידישע בורזשואזיע פון דער סאוטה און פון נארד רעקאמענדירט דיא אידען זעהר ווארעם און גאנץ ערנסט זיך צו באזעצען אין דער סאוטה איז זיא פון איהר שטאנדפונקט גאנץ גערעכט. פון איהר שטאנדפונקט איז א פראצענטניק נור א קליינער באנקיער און א באנקיער צו זיין, איז דאך זעהר א מכבוד'יגע זאך. דיא אנגעזעהענסטע אידען זיינען באנקיערען, פארוואס זשע זאלען דיא אימיגראנטען ניט אנהייבען דערפון?

געוויס אונזערע ארגומענטען וועלען ניט האבען קיין איינפלוס אויף חיים'ען אדער בערלען. אויב זיי ווילען אליין פאהרען אין דער סאוטה איז ניטא וואס זיי אבצוהאלטען. אבער, ווען עס קומט אויף דיא פראגע: צו זאל מען פערדיגען דיא אימיגראציאן פון דיא אידען אין דער סאוטה — ד א ן ע נ ט פ ע ר א י ך ז ע ה ר ע נ ט ש י ע ד ע ן: נ י י ן, נ י י ן, נ י י ן. מיט אויסנאהמע פיליכט פון 2—3 גרויסע שטעדט.

עס בלייבט נאך איבריג, דאס וואס מען פרעדיגט, אז אידען זאלען זיך אומקעהרען צו ערד־ארבייט. אבער צו האט דען דיא גאנצע זאך איצט א ערנסטע פראקטישע בעדייטונג? מיר

גלויבען ניט אין דער טהעאָריע, וועלכע זאָגט אונז אז אידען זיינען בכלל ניט פעהיג צו ערד־ארבייט. דיא בעשעפטיגונג מיט ערד ארבייט פאָדערט ניט קיין בעזונדערס גרויסע פיזישע כחות, זיא פאָדערט אָבער פונקט אזוי פיעל געשעפטס־ערפאהרונג וויא מסחור. אָבער דער פאַקט בלייבט דאָך דער, אז פון דיא גרויסע מאַסע אידען וואָס קומט צופאָהרען, ווילען זעהר וועניגע זיך בעשעפטיגען מיט ערד ארבייט און נאָך וועניגער האָבען דיא נויטיגע ערפאהרונג אין קענטניסע.

ערד־ארבייט איז אין אמעריקא — א געשעפט און דער ערפאָלג פון א געשעפט הענגט אָפּ, פון דער בעקאַנטשאַפט מיט געשעפט, דערפאר האָבען זיך ניט איינגעגעבען אזוי פיעל פראָבעס צו מאַכען דיא אידען אין אמעריקא פאר ערד־ארבייטער. און דערפאר הויבט מען איצט שוין אָן צו בעגעגענען אידישע ערפאָלגרייכע פארמערס וויא צ. ב. דיא אידישע פארמערס אין די קעטסקילס און אין סוליוואן קאונטי אָבער ערד־ארבייט פאָדערט ערד און ערד ווערט אלץ טהייערער און טהייערער און דערפאר איז אמת'ע פארמעריי מעגליך נור פאר אידען מיט געלד, אָדער פאר א אידען וועמען מען העלפט אויס מיט געלד. דער פאָנד פון באַראָן־הירש, וועלכער רעכענט יעהרליך צו בעזעצען 300—400 אידישע פארמערס, וועט פיללייכט קענען טהון א געוויסע טובה. אָבער מיט דער פראגע וועגען דיא פארשפרייטונג פון דיא אידישע אימיגראַציאָן איבערן לאַנד, האָט דיא טהעטיגקייט פון באַראָן הירש'ס פאָנד גאָר ניט צו טהון.

נאָך פיעל יאהרען וועלען דיא אידען אין אמעריקא זיך אַלץ נאָך קלייבען אין ניט פיעל גרויסע שטעדט, און כאָטש זייער לעבען דאָרט איז ניט צוציהענד, דאָך איז עס אַלץ בעסער ווי דיא פעדלעריי אין דיא קליינע שטעדט פון דער וועסט אָדער דיא פראָצענט רייסעריי אין דער סאָוטה אָדער דיא געפעהרליכע עקספּערימענטען אויף דיא פאַבריקען.

עס איז איבערדעם דאָ נאָך איין אומשטאַנד וועלכער מאַכט דיא קאָנצענטראַציאָן פאר וויכטיג און ווינשענסווערטה. דאס איז דער פּאָליטישער איינפלוס און דיא נאַציאָנאַלע קראַפט פון דיא אידען. אמת, אין אמעריקא איז ניטאָ דער אנטיסעמיטיזמוס, מיט וועלכען עס זיינען דורכגעדרונגען כמעט אַלע אייראָפּעאישע לענדער. אָבער א געוויסער פאָראורטהייל געגען אידען עקסיסטירט אָהן ספק. און איהם פארניכטען קען נור א געוויסע סאָציאַלע קראַפט, דיא קראַפט שאַפט אויך דיא אידישע מ. א. ס ע. אין רוסלאַנד קען נאָך אַן איינצעלנער איד האָפען זיך פּטר'ן פון אנטיסעמיטיזמוס דערמיט, וואָס ער בעמיהט זיך צו בעהאַלטען זיין אידישקייט. אָבער אמעריקא איז נאָך אַלעמען א דעמאָקראַטישע לאַנד. א בירגער איז א בירגער און א אידישע וואהלשטיממע איז ניט ערגער וויא אַן אירלענדישע. דער פאָראורטהייל געגען דיא אירלענדער אין אמעריקא איז פערשוואונדען אונטער דעם איינפלוס פון דיא אירלענדער אין פּאָליטישען און געזעלשאַפטליכען לעבען. און דיא זעלבע רעזולטאַטען וועלען אויך קומען, ווען דער פּאָליטישער איינפלוס פון דיא אידען וועט ווערען גרעסער.

אמת, דיא „יהודים“ קוקען אויף דיא פראַגע גאַנץ אנדערש. דיא „יהודים“ סטאַרעווען זיך אזוי צו צושפּרייטען דיא אידען פון ניו־יארק איבערן לאַנד, ווייל זיי שעהמען זיך פאר זייערע רוסישע קרובים, וועלכע קאָנקורירען מיט זיי.

ווען מיר זיינען געווען וועניג — זאָגען זיי — האָט מען אונז געאַכטעט, אָבער וויא נור עס זיינען אָנגעקומען אונזערע שמוציגע קרובים פון רוסלאַנד, האָבען פערפלייצט ניו־יארק און דערעסען אַלעמען, האָט מען אונז שוין אויך גענומען פעראַכטען ! אָבער דאס אַליין ווייזט, אז זיי הויבען ניט אָן צו פערשטעהען אמעריקאנער פּאָליטישען לעבען. אָדער איהר מיינט אפשר, אז מען וואָלט געמאַכט א אידען פאר א מיניסטער ווען אין ניו־יארק וואָלטען ניט געווען 600 טויזענד אידען ?

דער מאַנהיימער פאַרטיי-טאָג

(פון אונזער ספּעציעלען קאָרעספּאָנדענט.)

א. ש. זאקס.

.2

זונטאג דעם 23טען סעפּטעמבער האָט די גאנצע שטאָדט מאַנהיים בעקומען אַ פרעהליכען, א יום־טוב'דיגען אויסזעהן. שוין מיט אַ פּאָר שעה פריהער איידער דער פּאַרטיי־טאָג האָט זיך געעפּענט איז געווען צו בעמערקען אויף דיא הויפּט גאסען א ניט געוועהנליכע בעוועגונג. אומעטום וואו מען האָט נאָר געוואָרפען דיא אויג, האָט מען בעגעגענט גרויסע קאמפּאַניעס מענשען, מיט שטראהלענדע פון פרייד פּנים'ער, וועלכע האָבען מוטהיג און שטאָלץ געשפּרייזט איבער דיא גלאַטע געפּאלסטערטע טראָטואַר'ען פון דער שעהנער שטאָדט. דאָס זיינען געווען ארבייטער, פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבען געאיילט צום „ראָזענגאַרטען" אום צו בעגריסען די חברים, וואָס זיינען אָנגעקומען פון אַלע דייטשע שטעדט און שטעדטלעך. אַרום דעם „ראָזענגאַרטען" גופא איז געווען אַ שרעקליכע שטופּעניס און דרענגעניס. יעדערער האָט געוואָלט זיין פון דיא ערשטע אום צו בעקומען אַ גוטען פּלאַטץ. 6 אוהר אבענד, אַ שעה פאר'ן אנפאנג, איז שוין דער „ניבעלונגענזאַל" — דער גרעסטער און שעהנסטער לאָקאַל פון גאנץ דייטשלאנד — וואו דער בעגייסטערטער קבלת פנים פון דיא דעלעגאַטען האָט בעדאַרפט פאָרקומען, געווען איבערפילט מיט מענשען. אַזוי אַז מען איז געווען געצוואונגען אָבצושפּאַרען דיא טירען און קיינעם מעהר ניט אַריינצולאָזען. 7,000 מענשען געהען אַריין אין לאָקאַל און דאָך האָט ער נור געקענט צופריעדען שטעלען אַ קליינע טייל פון דיא חברים. מעהר וויא העלפט אָנגעקומענע האָבען געמוזט איבער פּלאַטץ־מאַנגעל בלייבען דרויסען, כדי כאָטש פון דערווייטענס צו הערען דיא הילכיגע, ענטציקטע אויסרופען און אַפּלאָדיסמענטען פון יענע גליקליכע, וועמען עס איז געראָטען אַריין צו דרענגען זיך אינעווניג. דער זאַל גופא האָט געהאַט אַ מערקווירדיגעס אויסזעהען. דער פּאַרטער אונטען איז געווען בעשטימט ספּעציעל פאר דיא דעלעגאַטען און פאר דיא פאָרשטעהער פון דער פּרעסע, צווישען וועלכע עס זיינען געווען פיעלע ענגלענדער, פראַנצויזען, אַרמעניער, האָלענדער און וויא עס פערשטעהט זיך פון זעלבסט זעהר פיעל רוסען. פון ווייט—ווייט איבער דיא גרענעצען איז מען געקומען הערען דיא מעכטיגע שטימע פון דייטשען פּראָלעטאַריאַט.

אויפ'ן רעדנער טריבונע ערשיינט אָבצוגעבען אין נאָמען פון דער פּאַרטיי דיא מאַנהיימער חברים „עליכם שלום" אויגוסט בעבעל.

אויגוסט בעבעל! וואָס פאר א אונגעהייערע מעכטיגע קראַפט עס ליגט פערבאָרגען אין דיזען מענשען! וואָס פאר אַ ליעבע און אַכטונג ער האָט זיך ערוואָרבען ביי דיא אַרבייטער־מאַסען! עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען אַ געוויכע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַסירונג, געשעהענים, זאָגאַר אַ געוויכע בעשטימונג אָהן דיזען אַמאָליגען דרעקסלער געזעל. בעבעל און דיא דייטשע אַרבייטער־בעוועגונג זיינען עפּעס צוויי צוזאַמענגעוואַקסענע גופים מיט איין נשמה, צוויי פאָרמען פון איין אינהאַלט. וואָס שטאַרקער און קרעפטיגער עס וואַקסט דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַלס פרישער, מוטהיגער און יונגער ווערט אויגוסט בעבעל. 66 יאָהרען זיינען איהם פאָריבער, דאַרונטער ניט ווענינ יאָהרען פון נויטה און דחקות, פון פערשידענע רדיפות און פערפאָלגונגען און דאָך ווערט זיין טעמפּעראַטור ניט אָבגעקיהלט. פערקעהרט, וואָס ווייסער עס זיינען זיינע האָר, אַלס היטציגער איז זיין בלוט, וואָס מעהר קנייטצען עס בעדעקען זיין שטערן, אַלס וואַרעמער איז דיא ליידענשאַפטליכע מענשען־ליעבע, וואָס ערפילט זיין האַרץ. אויב עס איז איבערהויפּט מעגליך צו סימוואָליזירען דיא געשיכטע פון דער דייטשער אַרבייטער בעוועגונג אין איין פיגור, קען עס נור זיין אין דער פּערזאָן פון אויגוסט בעבעל. דיא אָרגאַניזירטע אַרבייטער מאַסען קוקען אויף בעבעל ניט בלויז, וויא אויף זייער פיהרער און פאָרשטעהער, נור וויא אויף זייער נאָהנסטען קרוב און בעסטען פערזענליכען פריינד. „אונזער אויגוסט"

— מיט קיין אנדער נאָמען וועלען
דיא ארבייטער איהם קיין מאָל ניט
אָנרופען. דאָס וואָרט „אונזער“ ווערט אויס־
געדריקט אזוי ווייך, אזויווארעם און מיט אזא
שטאָלץ אזוי וויא א ליבענדער פאטער רעדט
פון זיין בעריהמטען בן יחיד. „ווען אונזער
אויגוסט רעדט ציטערן די מיניסטאָרען“ — בע־
ריהמען זיך שטענדיג דיא ארבייטער. עס
איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אז זיין
מיינונג איז אלע מאָל דיא הערשענדע אויף
א פארטיי־טאג. דאָס רוב דעלעגאטען זיינען
אלע מאָל אויף זיין זייט. וויא א מערקוויר־
דיגער געלערנטער און איבערגעגעבענער סאָל־
דאט בעזיעגט ער זיינע געגנער רעכטס וויא
לינקס. קעגען איהם זיך שטעלען איז אזוי
אונמעגליך, וויא קעגען א פייערשפייענדיגען
וואולקאַן.

בעבעל'ס רעדע ביים ערעפנען דעם פאר־
טיי־טאג איז ניט בלויז א געוועהנליכע בעגרי־
סונגס־רעדע. זיא האָט אלע מאָל א פּאָליטי־
שען כאראקטער. מאכענדיג א אויספיהרליכען
איבערבליק איבער דיא אינערליכע און אויסער־
ליכע פּאָליטישע לאגע, ווייזט בעבעל דערביי
דיא מיטלען, וואָס דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטיע
דארף אנווענדען אין דיזען מאָמענט. דאָ ווערט
ענטוויקעלט אין אלגעמיינע שטריכען דאָס
פּראָגראם און דיא טאקטיק, ביי וועלכע דיא
פּארטיי דארף זיך האלטען אין דעם קומענ־
דען יאָהר און דינט דעריבער פאר א איינליי־
טונג, פאר א הקדמה צו דיא פערהאנדלונגען
אויפ'ן פּארטיי־טאג. אין דיעזער רעדע שפּי־
געלט זיך אויך אָב דיא געגענווערטיגע רעוואָ־
לוציאָנערע שטימונג, וואָס הערשט ביים דייט־
שען פּראָלעטאריאט. פאָריגעס יאָהר — אין
יענא — ווען אלע זיינען געווען זיכער, דאָס
דיא רוסישע רעוואָלוציאָן וועט אין גיכען פער־
ניכטען דיא אָבגעלעבטע, פערפוילטע זעלבסט־
הערשונג, וועלכע דיענט פאר א גרויסע קווע־
לע פון דער פּרייסיש־דייטשער רעאקציאָן און
אין אייראָפּא וועט דורך דעם בענייעט ווערען
מיט א נייע פריהייטליכע עפּאָכע, האָט דיזער
„אלטער־יונגער“ גערעדט אָהן אויפהער 4 שעה
נאָך אנאנד מיט אזא היטץ און ברען, דאָס
דיא גרעסטע קאלטע מיושב'דיגע חברים זיי־
נען דורכגענומען געוואָרען מיט'ן רעוואָלוציאָ־
נערען גייסט אין זיינען געווען גרייט גלייך
ארויסצוטרעטען אין קאמפּף. היינט האָט זיך
דיא דעקאָראציע געביטען. דיא ערווארטונגען
פון דער רוסישער רעוואָלוציאָן זיינען פאָרליי־
פיג נאָך ניט ערפילט געוואָרען. דיא פּרייסי־
שע רעאקציאָן נוצט דערוויל אויס דעם זיעג
פון דיא פינסטערע, חוליגאנישע קרעפטען און
פיערט איהר טייוועלשען שפּיעל. דער לוסט
זאָפּאָרט ארויסצוטרעטען אין א אקטיווען
קאמפּף מיט דער רעאקציאָנערער פּרייסישער
רעגיערונג איז שוואכער געוואָרען און בעבעל
האָט ניט געקענט נעהמען אויף זיך דיא פער־
אנטוואָרטונג אויפצובלאָזען דעם רעוואָלוציאָ־
נערען פייער אין דיא הערצער פון זיינע צו־
הערער. אין זיין עמפּפעהלונגס־רעדע, וויא
אויך אין זיינע שפּעטערדיגע רעדען איז געווען
מעהר קענטיג „זיינע גרויע האָר, וויא דאָס
יונגע, היטציגע הארץ“. דאָס איז אָבער ניט
געווען, וויא פיעלע האָבען דעם פאָרוואורף
געמאכט, אז בעבעל האָט חרטה אויף זיינע
פאראיאָהריגע רעדע און אז ער איז איצט גאנץ
אנדערש איבערצייגט, וויא מיט א יאָהר צוריק.
דיא בעדינגונגען, דיא ארומיגע אומשטענדען,
דיא אומגעבונג האָבען זיך געענדערט און בע־
בעל אלס א ניכטערער רעאל־פּאָליטיקער, וואָס
לאָזט קיין מאָל ניט אראָב זיין אויג פון דער
ווירקליכקייט, האָט ניט געקענט זיך ניט רע־
כענען מיט דיא געגענווארטיגע בעדינגונגען.
דיא מאנהיימער רעדע האָט געהאט אין זיך
ווייניג פייער, אָבער א סך ישוב הדעת, א
גרויסע איבערלעגונג, זיא האָט נור בעריהרט
דיא אויסערליכע און אינערליכע פּאָליטיק פון
דייטשלאנד — איבערהויפּט פון פּרייסען —
אָבער ניט דיא שטרייטיגקייטען, וועלכע קו־
מען פאָר אין דער פּארטיי גופא. בעבעל
האָט זיך דאָס מאָל געסטארעט ניט צובעאיינ־
פלוסען דיא דעלעגירטע. נאָך זיין פּאָ־
ליטישען איבערבליק האָט דער רעדנער מודיע
געווען, אז דער פּארטיי־טאג איז געעפענט און
האָט פאָרגעלעגט אלס פאָרזיצענדע פּאול זינ־
גער און דרעסבאך. דיזע פאָרלאגע איז,
זעלבסטפערשטענדליך, איינשטימיג אָנגענו־
מען געוואָרען. מיר זאָגען : „זעלבסטפער־
שטענדליך“ ווייל זינגער איז א געבוירענער
סאָציאל־דעמאָקראטישער פּרעזידענט. א פּאר־
טיי־טאג אָהן איהם איז אזוי, וויא א מאָנאר־
כיע אָהן א מלך. ווען דער צווייטער פאָר־
זיצענדער, וואָס ווערט שטענדיג אויסגעקלי־
בען פון דער ערטליכער אָרגאניזאציאָן, וואָי
דער פּארטיי־טאג קומט פאָר, פיהרט דיא זי־
צונג, הערשט שטענדיג א טומעל, א געפּילדער,
א אונרוהיגקייט. זינגער האָט דיא פעהיג־
קייט דורכצופיהרען זיין שטארקען אייגענעם
ווילען אין א דעמאָקראטישער פאָרמע. קיי־
נער פיהלט זיך ניט בעליידיגט פון זיין פיהרען
דיא זיצונג. אין זיין פּערזאָן פּערקערפּערן
זיך הארמאָניש גערעכטיגקייט, שעהנקייט און
שטארקייט.

מאָנטאג — דער ערשטער טאָג — איז געווען געווידמעט דיא בעגריסונג פון דיא אויסלענדישע דעלעגאטען און דעם בעריכט פון פאַרטיי־פאָרשטאַנד. אין דיא דעבאַטען, וואָס דער בעריכט האָט ארויסגערופען, געפינען מיר ניט וואָס בעזונדערס, עס זאָל זיך לוינען דאַרויף אָבצושטעלען. איינער פון דיא רעדנער האָט משמעות געוואָלט אויפמישען דעם געוויסען „פאָרווערטס־קאָנפליקט“ און האָט אָנגעפאַנגען שאַרף צו קריטיקירען דאָס פאָרגעהן פון דעם פאַרטיי־פאָרשטאַנד קעגען דיא זעכס אַרויסגעטרעטענע רעדאַקטאָרען. דער פאָרזיצענדער האָט אָבער, וויא עס ווייזט אויס, געוואָלט פערמיידען אַן אויספיהרליכען ויכוח וועגען אַזאַ ענין, וואָס קען קיין פראַקטישען ווערטה שוין ניט האָבען און וואָס וואָלט נור געליווערט מאַטעריאַל פיר סענסאַציאָנעלע אַרטיקלען פאַר דיא בורזשואַזנע פרעסע, וועלכע לויערט און זוכט מיט ליכט צו געפינען אַ שטיקעל עולה, כדי צו האָבען צו וואָס זיך צוצוטשעפּען; ער האָט אָנגעשטעלט דעם רעדנער, אָנווייזענדיג, אַז ער רעדט ניט צו דער זאַך. הערמיט איז דערשטיקט געוואָרען אין אָנהייב דיא דיסקוסיאָן איבער אַ פראַגע, וואָס אַלע האָבען געמיינט, אַז זיא וועט פערנעהמען זעהר אַ גרויסען אָרט אויפ'ן פאַרטיי־טאַג. צו האָט דער פאַרטיי־פאָרשטאַנד געהאַט רעכט, אָדער ער איז בעגאַנגען אַ גרויסע עולה קעגען דיא רעדאַקטאָרען, צו האָבען דיא לעצטע פערדינט אַזאַ פסק אָדער ניט — איז אַ פראַגע וועגען וועלכע דיא דעלעגירטע האָבען זיך ניט אויסגעזאָגט. אַלס מענשען פון ארבייט און טהאַט האָבען דיא מיטגליעדער פון פאַרטיי־טאַג געהאַלטען פאַר איבעריג צו פסקנ'ען שאלות איבער יושר און גערעכטיגקייט. דער פאַקט איז שוין געשעהן און — ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג — מען מוז זיך רעכענען וויא מיט אַ אָבגעטהוענע זאַך. און אין אמת'ן, אויב דער פאַרטיי־פאָרשטאַנד האָט געמאַכט אין דעם פּרט אַ פעהלער און האָט זיך צופיעל בענוצט מיט זיין מאַכט, האָט ער דאָך דאָס געטהון אונגערן, מיט דער איבערצייגונג, אַז דאָס וועט נוטצען ברינגען דער פאַרטיי. אויף ווייטער, להבא, וועט ער געוויס און געוויס זיין פאָרזיכטיגער און וועט זיך היטען ווען עס איז ניט צו קריוודענען. דאָס האָבען גאַנץ גוט פערשטאַנען דיא בעליידיגטע ליטעראַטען און האָבען בעשלאָסען אויף זייער ניט אָפיציעלער קאָנפערענץ בעסער מוחל צו זיין אויף זייער כבוד און ניט אויפוויקלען אַ זאַך, וואָס געהערט שוין דער פערגאַנגענהייט.

אויב דיא פריינד פון דער אַלטער „פאָרווערטס“ רעדאַקציאָן האָבען זיך אָבגעזאָגט זיך אָנצונעהמען דיא קריוודע פון זייערע בעליידיגטע קאָלעגען, האָט זיך אָבער נים אָבגעזאָגט דער צד כנגד, דיא אַנהענגער פון דער נייער רעדאַקציאָן אָבצורעכענען זיך מיט זיינע געגנער.

גענ. סטאַמפפער, אַ פעהיגער און אַ פלייסיגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער שריפטשטעלער האָט קורץ פאַר'ן פאַרטיי־טאַג פערעפענטליכט אַ אַרטיקעל אין „דיא נייע געזעלשאַפט“ (אַ אונאַבהענגיגער סאָציאַל. אָרגאַן רעדיזשירט דורך דר. הענריך ברוין און זיין פרוי לילי) אין וועלכען ער האָט ציטירט פערשידענע שטעלען פון אַרטיקלען וועלכע זיינען געדרוקט אונטער דער נייער „פאָרווערטס“ רעדאַקציאָן. דיזע שטעלען האָט ער בכיון אויסגעשטעלט איינע קעגען דיא אַנדערע אין אַזאַ פאָרמע, דאָס דער לעזער זאָל זיך גלייך איבערצייגען, אַז דיא „נייע רעדאַקציאָן“ האָט ניט קיין אויסגעהאַלטענע שיטה, זיא קווענקעלט אַהין און אַהער, אַ מאָל אַזוי, אַ מאָל אַנדערש, ניט ווייסענדיג אַליין, וואָס זיא וויל. קיין פרושים צו דיזע ציטאַטען האָט סטאַמפפער ניט געגעבען: דיא ווידערשפּרוכען, דיא סתירות זיינען געווען זעהר בולט און האָבען זיך אין דעם ניט גענייטיגט. דיא כונה, וואָס סטאַמפפער האָט געהאַט ביים פערעפענטליכען דיזען אַרטיקעל דוקא קורץ פאַר'ן פאַרטיי־טאַג איז געווען זיך לייכט צו שטויסען — **אונטערצוגראָבען דעם צוטרוי צו דער איצטיגער רעדאַקציאָן.** דיא פראַגע איז בלויז דיא אורזאַכען, וועלכע האָבען איהם געטריעבען דערצו. צו האָט ער דאָס געטהון בלויז לשם מצוה, צו ער האָט מקנא געווען קנאת ד' צבאות, ווייל אַלס אַ איבערגעגעבענער סאָציאַלדעמאָקראַט האָט ער ניט געקענט צוזעהען, וויא דער צענטראַל אָרגאַן האָט ניט קיין איינהייטליכע, פעסטע שיטה, וואָס איז זעהר שעדליך פאַר אַ פאַרטיי? אָדער אונטער דעם איז געלעגען בעהאַלטען אַ געוויסע פערזענליכע שנאה, וואָס האָט געפונען אַ אָרט, וואו זיך נוקם צו זיין? מיר, פון אונזער זייט, זיינען געניינט צו מיינען, אַז דאָ איז געווען אי דאָס, אי יענעס; אַביסעל, אָדער בעסער, אין אָנהויב פרינציפּיעל, שפּעטער פערזענליך, וויא עס קומט איבעראַל פאָר ביי אַזוינע שטרייטיגקייטען. דיא נייע „פאָרווערטס רעדאַקציאָן“ האָט אָבער געוואָלט אַלעמען איבערצייגען, אַז דאָ איז בלויז געלעגען אַ פערזענליכער האס און האָט געזוכט סטאַמפפערן צו דיסקרעדיטירען אין די אויגען פון די פאַרטיי־גענאָסען. אין זיין תשובה אויף דעם דערמאָהנטען אַרטיקעל האָט

דער „פּאָרווערטס“ געטענה'ט אַז סטאַמפּפער איז זיך בעגאַנגען, וויא אַ שלעכטער שילער, ער האָט אויסגעקליעבען אָבגעהאַקטע פראַזען, אויסגעריסען זיי פון מיטען אַ אַרטיקעל, אַזוי, אַז עס איז אונמעגליך דער פּשט זאָל דאָרט ווערען איבערגעגעבען אין גאַנצען. ווען מען לייענט דעם גאַנצען געדאַנקען־גאַנג, זעהט מען, אַז אונטער זיי ליעגען גאַנץ אַנדערע בעגריפען, וויא סטאַמפּפער האָט זיי געוואָלט צוגעבען. סטאַמפּפער איז דעריבער — פיהרט דיעזע „תשובה“ אויס — אַ בעוואוסטער ליגנער, וואָס האָט געפעלשט מיט אַ געוויסער אַבזיכט, „אַ דונקלער עהרענמאַן“ „אַ שוואַרצער חברה'ניק“ אַ בעל רכילות'ניק און אַלעס, וואָס אין קאָרט שטעהט. דאָס איז אָבער נאָך ווייניג. דער פיהרער פון דעם „נייעם“ „פּאָרווערטס“ גענ. הענריך **שטרעבעל** און זיינע פריינד האָבען געוואָלט אָפּשוואַרצען סטאַמפּפערן אויפ'ן פּאַרטיי־טאָג גופא, איהם מבייש זיין ברבים, ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס סטאַמפּפער אַלס שריפטשטעלער האָט זעהר פיעל געשאַפען פאַר דיא פּאַרטיי און דאָס מיט איהם זיינען פערקניפּט בעדייטענדע פערדיענסטען. דיעזער ציעל איז עררייכט געוואָרען. ביי אַ טויטע שטילשווייגען האָט גענ. וויילס, דער פּרעזיצענדער פון דער בערלינער פּרעסס־קאָמיסיאָן גערעכט געגעבען דער נייעם „פּאָרווערטס־רעדאַקציאָן“ פאַר איהר שאַרפע, געמיינע אויסדריקע געגען פערדיענטע חברים. מען דאַרף דאָך — שרייט מיט גרויס אימפּעט וויילס — אָנרופען יעדע זאַך מיט'ן נאָמען. דער „פּאָרווערטס“ האָט בלויז דעם אמת געזאָגט בנוגע צו סטאַמפּפערן, צו דערמאַנען זיך איז דאָ אין גאַנצען איבעריג; זאָגט איינער רכילות — פערדיענט ער דעם נאָמען „רכילות'ניק“ כשר „וישר“. צו האָט סטאַמפּפער אָבער באמת געטריעבען בעוואוסטע רכילות, האָט וויילס, אַזוי דער רעדאַקטאָר **שטרעבעל** אַליין אויפ'ן פּאַרטיי־טאָג ניט בעוויעזען — דאַרויף ווערט בעשיידען אַ עהרענגעריכט, — סטאַמפּפער איז אָבער דערווייל אָבגעשוואַרצט און געוואָרען זעהר וואַכענדיג אין דער פּאַרטיי. סטאַמפּפערס פּערזענליכע פערטהיידיגונג האָט קיין אָבקלאַנג ניט געפונען. אפשר האָבען אין האַרצען אייניגע פּאַרטיי־ליטעראַטען מיטגעפיהלט און האָבען זיך פּערזענליך געפונען בעליידיגט פון'ם סטאַמפּפער־אַרטיקעל אין „פּאָרווערטס“ און פון דיא זידלערייען, מיט וועלכע מען האָט מכבד געווען אַ ליטעראַטור קאָלעגע; אָפען האָט אָבער קיינער ניט אַרויסגעטרעטען און אין אמת'ן וואָלט דאָס אויך געווען איבעריג, דען דאָס רוב דעלעגירטע זיינען געווען פערנומען מיט וויכטיגערע אויפגאַבען — מיט פראַגען, אָהן וועלכע עס הענגט אָב דיא גאַנצע ריכטונג פון דער פּאַרטיי און וואָלטען זיך אין „ליטעראַטען־שטרייט“ סיי ווי סיי ניט אַריינגעטהון מיט אַ גרויסען ערנסט. גענ. קורט **אייזנער** דער געוועזענער שעף־רעדאַקטאָר פון דעם „אַלטען פּאָרווערטס“ איז ווייזט אויס יאַ געווען שטאַרק אויפגערעגט פון דעם אינצידענט, אָבער ער אַליין איז געווען אויפ'ן פּאַרטיי־טאָג בלויז אַלס גאַסט און איבערהויפּט איז ער היינט ניט מעהר, וויא אַ פּוסל'ע הושענה. „פאַר געוועזענע“ צאָהלט מען ניט און צו אייזנערס ווערטער וואָלט זיך נור אַ קליינער צאָהל גענאָסען צוגעהערט. דאָס רוב וואָלטען זיין מיינונג געהאַלטען פאַר ווייניג אָביעקטיוו און איהם אַליין פאַר אַ נוגע בדבר.

אויסער דיעזען „סטאַמפּפער־פּאָרווערטס“ קאָנפליקט, וואָס האָט בעשאַפען אויף אַ שעה צייט אַ געשפּאַנטע, אויפגערעגטע שטימונג, זיינען זיך דיא דעבאַטען פון דיא ערשטע צוויי טעג פערלויפען רוהיג אָהן בעזונדערע צווישענפאַלען. דיא בעריכטען פון פּאַרטיי־פאָרשטאַנד, קאָנטראָל־קאָמיסיאָן, וויא אויך פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער פראַקציאָן האָבען געפאָדערט אַ קליינע אָנגעשטרענגטקייט און דיא אַנטהיילנעהמער אין דער דיסקוסיאָן האָבען נור קריטיזירט אייניגע ניט וויכטיגע פּונקטען. אין גרויסען און גאַנצען האָט מען געגען דיא בעריכטען געהאַט ווייניג וואָס אויסצוזעצען און זיינען בעשטעטיגט געוואָרען אָהן אַ שום פּראָטעסט פון אירגענד וועלכער זייט.

דיא הויפּט אויפמערקזאַמקייט פון דיא דעלעגירטע, געסט און דיא פאָרשטעהער פון דער פּרעססע איז געווען געווענדעט אויף מיטוואָך פריה, אויף ווען עס זיינען געווען בעשטימט דיא רעפּאָרטען פון **בעבעל** און **לעגיען** איבער'ן „מאַסען־סטרייק“ — דיא הויפּט טהעמאַ פון מאַנהיימער פּאַרטיי־טאָג. צו דיעזען פּונקט פון טאַגעס־אָרדנונג האָבען אַלע זיך צוגעגרייט מיט אַ טיעפען ערנסט און אַ געוויסע אונבעשטימטהייט. אַלע האָבען געפיהלט, אַז דאָ דאַרף בעשלאָסען ווערען דער גורל און דיא ריכטונג פון דער פּאַרטיי, דיא בעציהונגען פון פּאַרטיי צו דיא געווערקשאַפטען — דאָס גרויסע פּראָבלעם פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אומעטום, וואו זיא איז נור פאַראַן.

קאמוניסטישע קאלאניען אין אמעריקא.

פון ה. אַלעקסאַנדראָוו.

(שלוס־ארטיקעל.)

מאָדערנע סאָציאַליסטישע און קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניען. *)

אז די אידעען פון וויסענשאפטליכען סאָציאַליזמוס זאָללען ארויסרופען צום לעבען קאָמוניסטישע פּראָבעס פון אַ נייעם שניט, פון דעם וויסענשאפטליכען־סאָציאַליסטישען שניט, איז אַ גאַנץ נאַטירליכע זאך. שטענדיג וועלען זיך דאָך געפינען אונגעדולדיגע היצ־קעפּ, בטבע אוטאָפּיסטען און בעלי־חלומות, וואָס וועלען נעהמען אָהן שום לאנגע שהיות דורכפיהרען אין דער פּראַקטיקע די טהעאָרעטישע לעהרען, צו וועלכער זיי זיינען אַליין נאָר וואָס צוגעשטאַנען. זייער כונה איז דאָ, פערשטעהט זיך, אַן ערנסטע, אַן עהרליכע, אַ פאַנאַטיש־הייליגע. בעווייזען ווילען זיי דער וועלט, דערהויפּט די אונגלויביגע, די רשעים, אז דאס סיסטעם פון אַ געזעלשאפטליכער אָרדנונג, וואָס זאָל זיין אויפגעבויעט אויף די יסודות פון זייער נייער תורה, איז ניט קיין חלום, ניט קיין אוטאָפּיע, און דאס קען דארום אָט שוין באַלד מקוים ווערען אין אַ געהעריגען פּלאַץ, און נאַטירליך אין אַ קליינעם מאַסשטאַב. און מען איז געגאַנגען גרינדען קאָלאָניען, וואו עס איז אין דער שנעל איינגעפיהרט געוואָרען דער סאָציאַליזמוס, נאָך איידער עס איז געקומען דיא גאולה פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן. דער סוף איז געוועזען, אז פון די פּראָבעס האָט זיך כמעט גאָר נישט אויסגעלאָזען, און נאָר דיא וועלט איז רייכער געוואָרען מיט אַ פּאָאָר טויזענד מעהר ענטטוישטע הערצער, פערוויסטע און צובלוטיגטע.

ווען מען קוקט דורך דעם לאנגען טרויעריגען צעטעל פון די אַלע חרוב געוואָרענע קאָלאָניען, וואָס מענשען האָבען געגרינדעט פאר די לעצטע 10—20 יאהר אויף אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישען פונדאמענט, שטויסט מען זיך אָן אין בעראַל אויף איין אלגעמיינע סבה פון דעם גרויסען חורבן. די סבה איז, אז דאס רוב קאָלאָניסטען האָבען לכתחילה געטויגט אויף כפּרות. ס'הייסט, דיא גרינדער האָבען איינפאך ניט געהאט מיט וועמען צום טיש צו געהן, מיט וועמעס הילף אָנצופאנגען אַן ארבייט, וואָס האָט געזאָלט פערבלענדען מיט איהר גלאַנץ אַ האלבע וועלט. און וויא מיר האָבען געזעהען פריהער, איז דאָך די אייגענע צרה געוועזען אויך אין די קאָלאָניען פון דיא איבריגע מינים און סאָרטען, דערהויפּט אין דיא אָוועניסטישע. קיין נסים זיינען אין דער זאך אייגענטליך ניטאָ. אַ לעבעדיגען מענשען, וועלכער האָט אַ גוטע העלפט פון זיינע יאהרען אָבגעלעבט אין דער פּערפּוילריער קאָנקורענץ־לופט פון דעם קאפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־סיסטעם, קען מען ניט אין אַ טאָג, אפילו אין אַ יאָהר אויך ניט, אין גאנצען איבערבויען אויף אַ קאָמוניסט, אויף אַ תושב פון דער וועלט „אויף מאָרגען נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן.“ און אזוי ווי עס האָט געדארפט נעמען יאהרען און יאהרען, איידער די קאָלאָניסטען זאָלען זיך „אויסמענשלען,“ און אויסצוהאַלטען דיא צייט, ביז משיח וועט קומען איז ניט געוועזען מיט וואָס, מחמת דערווייל האָט מען זיך כסדר ארומגעריסען און געלעגט אלץ מעהר אין ד'רערד די קאָלעקטיווע בעל־הבית'ישקייט, האָט טאַקי קיין איין קאָלאָניע כמעט אָהן שום אויסנאַהמען קיין תקומה ניט געהאט, און ניט געקענט האָבען.

און גלאַט, בכלל גערעדט, זיך געהן אָבזונדערן פון דער גאנצער וועלט מיט אַ כינעזישער וואנד און בעת מעשה זיך איינרעדען, אז דיא סאָציאַלע פראגע איז שוין דערמיט פערענטפערט, ווענינסטענס פאר דאס קליין היפּעלע מענשען הינטער דער וואנד, איז דוקא ניט פון דיא גרויסע חכמות. מען דארף פערשטעהען, אז מאַכען שבת פאר זיך קען מען שוין מעהר ניט ביי היינטיגען טאָג. דיא געוואַלדיגע אינדוסטריעלע ענטוויקלונג פון דיא לעצטע צייטען האָט צונויפגעשמאָלצען די מענשהייט אין

*) אלס מאַטעריאַל צו דער סעריע אַרטיקלען זיינען בענוצט געוואָרען:

1) פּאָליטיקאל קוואָרטערלי, דעצעמבער, 1905.

2) היסטאָרי אָוו סאָושעליזם אין דהי יונייטעד סטייטס. מאָררים הילקוויט, 1903.

3) אמעריקאן קאָמיוניסטס. ווילליאם היינדס. 1902.

4) פערגלייך אויך צוקונפט, מאי, 1903, „די איקארישע בעוועגונג“ פון ה. אלעקסאנדראָוו.

אין איינציגען קאָמפּאַקטען קערפּער. און קיינער קען זיך ניט אָבּרייסען פון דעם דאָזיגען קערפּער. סיידען ער וויל לעבען וויא א חיה, ס'הייסט, זיך אויסטאָהן אין אַלעמען פון דער היינטיגער ציוויליזאַציאָן. און אַט אויף דעם אָבּרייסען זיך פון דער איבּריגער וועלט האָבּען דאָך געבּויט דיא קאָמוניסטישע קאָלאָניען אַלע זייערע גליקען. דערינען איז שוין געלעגען, פון אָנהויב אָן, דער מקור פון דעם טרויעריגען סוף. די קאָלאָניען האָבּען אָהן די איבּריגע וועלט ניט געקענט אויסקומען. זיי האָבּען געמוזט קומען אין פערבּינדונג מיט איהר גאָר אונבּעדינגט און אין א געוויסען מאָס אָבּהייגנגען אָן די אייזערנע געזעצע פון קאָנקורענץ. מען איז דאָך געווען אי פּראָדוצירער, אי פערבּרויכער. די דאָזיגע פערבּינדונגען האָבּען פריער פאַר אַלעמען מחולה געמאַכט די אוטאָפּיסטיש־ריינע לופט אין דער קאָלאָניע, אריינגעבּראַכט הינטער דער וואַנד דעם גייסט פון קאַפּיטאַליסטישען האַנדעל־וואַנדעל און אויסגעגלייכט דעם וועג פאַר פּשרות. דאס צושפּאַלטענע, צווייזייטיגע לעבּען האָט ביסלעכוויז אונטערגעגראָבּען דיא הייליגסטע יסודות פון קאָמוניזמוס, געבּראָכען דעם מוטה, געלאָשען די בּעגייסטערונג, און די קאָלאָניען האָבּען אויף אזא'ן אופן געמוזט פאַלען, צו געוואָלט, צו ניט געוואָלט.

וויפיעל פּראָבּעס עס זיינען געמאַכט געוואָרען מיט קאָלאָניען פון דעם מאָדערנעם סאָציאַל־עקאָנאָמישען שניט, קען מען בּעשטימט ניט וויסען, אזוי ווי מען קען איבּערהויפּט ניט וויסען די גענויע צאָהל פון אַלע קאָמוניסטישע פּראָבּעס אין אַמעריקאַ. פּראָפעסאָר בּוש רעכענט אויס פופצעהן שטיק, אָבּער וואהרשיינליך זיינען געווען מעהר. די ערשטע קאָלאָניע אונטער'ן נאָמען „קאָלאָמביא קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע", איז געגרינדעט געוואָרען אין 1886 אין אָריגאָן און איז שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ. מיר וועלען דאָ רעדען נאָר פון דיא בּעדייטענדסטע קאָלאָניען, וואָס אין זייער צייט האָבּען זיי א סך זיך געלאָזט הערען פון זיך. דאס זיינען: ראָסקין, עקוואַליטי, פרילענד און בּוירלי אָדער קאָאָפּעראַטיוו בּראָדערהוד.

ראָסקין קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע.

אײדער די קאָלאָניע איז געקומען צו איהר רוה, ס'הייסט, נעלם געוואָרען פון דער שעהנער וועלט, האָט זי דורכגעמאַכט עטליכע פּעריאָדען, איינער שטורמדיגער פאַר דעם צווייטען. איהר גרינדער איז געווען דזש. ווײַלענד. דער רעדאַקטאָר פון דער וועכענטליכער סאָציאַליסטישער צייטונג „דהי קאָמינג ניישאָן." דער ערשטער שטיין איז געלעגט געוואָרען אין 1894 אין שטאַט טענעסי, אין א ווילדען־נישט־בּעאַרבּייטען ווינקעל. דער פּרינציפּ פון דער קאָמונע איז געווען א סאָציאַליסטישער: דאס לאַנד, די הייזער, דיא ווערקצייג, די מאַשינען, האָבּען געהערט צום קהל. און קהל איז געווען א סטאָק־קאָמפּאַני, וואו דער נייער קאָלאָניסט האָט זיך געקענט קויפען א שער פאַר 500 דאָלאַר. צו דער לעצטער תנאי איז געווען שטאַרק סאָציאַליסטיש—אויף דעם דאַרף מען נאָך פרעגען א שאלה, אָבּער נויטיג איז ער זיכער געווען. א חוץ די דרוקעריי פון דער צייטונג, האָט מען אין אָנהויב ניט געהאַט אפילו קיין פּיסעל פון א שטוהל. מען האָט זיך געמוזט יעדעס בּרעקעלע איינשאַפען, הערצו נאָך דורך שווערע פּיאָנערען־אַרבּייט. די ערשטע מיטגליעדער האָבּען אריינגעבּראַכט א קאַפּיטאַל פון 18 טויזענד דאָל. און דיא קאָלאָניע האָט גענומען וואַקסען מאַטעריעל גאַנץ געשמאַק. צום בּיישפּיעל, אין פינף יאָהר אַרום, צו דער צייט, וואָס די קאָלאָניע איז אונטערגעגאַנגען, האָט איהר האָב און גוטס בּעטראָפען אַן ערך 100 טויזענד דאָל. אמת, בּייזע צינגער זאָגען, אז אַרום 90 טויזענד האָט זי געהאַט חובות אויף'ן האַלז. ווי דיא מעשה איז, די קאָלאָניסטען האָבּען אויפגעבּויט עטליכע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען, וואָס זיינען גוט געגאַנגען, האָבּען בּעאַרבּייט און פערבּעסערט די ערד, און דאס האָט נאַטירליך געהויבּען דעם פינאַנציעלען ווערטה פון דער קאָלאָניע.

ראָסקין האָט געליטען פון צוויי חולאת'ן: ערשטענס, איז קיין שלום בית ניט געווען, און צווייטענס, האָט דיא פּיהרערשאַפט געטויגט אויף צרות. קריגעריי האָט זיך אָנגעפאַנגען שוין אויף'ן צווייטען יאָהר. דער סכסוך איז אַרום איבּער דער פראַגע, צו וועמען עס דאַרף געהערען דיא דרוקעריי: צום קהל אָדער צו וועילאַנד'ן. דאס האָט געבּראַכט הערצו, אז פון קאָלאָניע האָט געמוזט אוועק איהר גרינדער מיט א גרויסער צאָהל פון זיינע אָנהענגער, און דיא קאָלאָניע, ווי מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, איז דורכדעם אָבּגעשוואַכט געוואָרען אי אין מאַטעריעלע קרעפטען, אי אין מאָראַלישען איינפלוס. ס'איז פערלאָפען נאָך א יאָהר, און א נייע צרה איז געקומען: מען האָט אויסגעפונען, אז דיא ערד האָט אבּסאָלוט קיין שום ווערדע נים, ווען מען זאָל זי וועלען בּעאַרבּייטען, און דיא קאָלאָניע האָט זיך אריבּערגעקליבען מיט האק און פּאַק אין א נייעם מקום מנוחה — 6 מייל ווייטער. משנה מקום, זאָגט מען, משנה מזל. אָבּער ראָסקין איז על כל פּנים געווען א יוצא מן הכלל, א שלים־שלים־מזל פון זיין געבּורט אָן. נאָך ניט צייט געהאַט דיא פּיס אָנצו־וואַרימען אין דעם נייעם אָרט, ווי עס האָט

זיך אָנגעפאנגען אַ נייע רייסעריי. אין דער קאָלאָניע זיינען געווען אַ סך אנארכיסטען, און זיי האָבן געוואָלט ניט אַנדערש צבֿשאַפען דעם סאָציאַליזמוס און איינפיהרען דעם אנארכיזמוס. די סאָציאַליסטען, וועלכע זיינען געווען אין דער מאַיאָריטעט, האָבן, פערשטעהט זיך, ניט געלאָזען, און ס'איז געוואָרען ליהודים. צו דעם סאָרט פּרינציפּיעלער רייסעריי, איז אָנגעקומען די געוועהנליכע רייסעריי, וואָס מען טרעפט זי ברוך השם אין אלע קאָלאָניען. נעהמען נעהמט זיך דיא רייסעריי פון קנאה־שנאה צווישען מענשען מיט פערשיעדענע כאראקטערען און מיט א פערשיעדענער קולטור, וועלכע זיינען געצוואונגען צו לעבען און צו ארבייטען אין דיא זעלביגע בעדינגונגען. די מחלוקת'ן האָבן זיך אָבגעצויגען אַ שטייגער א פּאָאָר יאהר, און מנצח געווען האָבן דוקא דיא סאָציאַליסטען. אָבער דיא אַנארכיסטישע פּראַקציאָן האָט זיך מיט דער מפּלה ניט בעגנוגענט. מען האָט גענומען ארבייטען אין די „קאָורטס", מיט לאָיערס, מיט אינדזשאָנקשאָנס, מיט מעשיות—געשעפטען, און אין יוני 1899 איז די ראָסקין קאָאָפּעראטיווע קאָלאָניע נפטר געוואָרען אָהן אַ צייט, דורך אַ בעפעהל פון גערי כט. ניט אַלע מיטגליעדער זיינען זיך צוקראָכען: בקרוב 250 מאָן האָבן בעשלאָסען צו פערבלייבען אין איינעם. זיי זיינען אריינגעטראָטען אין אַ גוסס'דיגע קאָלאָניע אין דזשאָרדזשיא, האָבן זי געמאַכט פון טויט לעבעדיג און צוויי יאהר געפּרובט פיהרען אַ קאָלעקטיווע ווירטשאַפט. אָבער על כל פּנים האָבן זיך די מענשען קיין שום מוסר ניט אראָבגענומען פון זייער נאָר וואָס איבערגעלעבטען אונגליק. די מחלוקת האָבן אויסגעבראָכען אויף דאס ניי, גאָט ווייס צוליעב וואָס, די קאָלאָניע איז אונטערגעגאַנגען אַ פערזונקענע אין חובות, און אַ העלפט פון די קאָלאָניסטען זיינען געווען געצוואונגען צו פערקויפען זיך ממש אין שקלאפעריי צו אַ קאָנטראַקטאָר פון אַרעסטאַנטען־ארבייט.

נאָך אַ פּאָאָר ווערטער וועגען די פיהרערשאַפט אין דער ראָסקין קאָלאָניע. דער אַגענט, וועלכער האָט געדאַרפט זוכען קונים פאר דער פּראָדוצירטער סחורה (מעבעל, שלייקעס, מעהל, טשואינגאָם), האָט געהאט אַ מאָדנע משוגעת: ביי איהם איז ווערטה געווען צו פערקויפען אַלצדינג, צו מען האָט געדאַרפט, צו מען האָט ניט געדאַרפט. איינמאָהל האָט ער צום ביישפּיעל פערקויפט פאַר 356 דאָל. די פּרעס־מאַשין, וואָס האָט געקאָסט זיך 1100 דאָל. דיא דירעקטאָרען ווידער זיינען ניט געווען געוואָהנט צו פיהרען אַ געשעפט מיט גרויסע סומען געלד, און זיי האָבן אויסגעגעבן שווערע טויזענדער ממש אויף גאָר ניט. פון בוכהאַלטעריי האָט מען אויך ווייניג געהאַלטען, דאס איז דאָך אַ קאַפּיטאַליסטישע ערפינדונג, האָט מען געטענה'עט, צו וואָס־זשע דאַרף מען זי אין אַ סאָציאַליסטישער קאָמונע? און דיא „נאַטשאַלסטוואָ" האָט ברייט בעל־הבית'עוועט מיט'ן קהל'שען געלד, און ווען עס האָט געפעהלט צום חשבון, איז מען געקראָכען ביז'ן האַלז אין חובות. ניש־קשה, קהל וועט אויסהאַלטען.

עקוואַליטי. אין 1895 האָט זיך געגרינדעט „דהי בראָדערהוד אָוו דהי קאָאָפּעראַטיוו קאָמאָנוועלטה", אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָן מיט אַ שטאַרקען אוטאָפּיסטישען כאַראַקטער. דער טויף־טאַטע פון דער „ברודערשאַפט" איז געווען די אויבען־דערמאָהנטע צייטונג, „דהי קאָמינג־ניישאָן", און דערפון איז שוין לייכט צו זעהען די נאָהענטע מחותן'שאַפט צווישען דער נייער אָרגאַניזאַציאָן און דער נישט־געראָטענער ראָסקין קאָלאָניע. ווען דיא אַמעריקאַן ריילווי יוניאָן איז צושמעטערט געוואָרען נאָך דעם בעריהמטען פּולמאַן סטרייק (אין 1894), זיינען די איבערגעבליעבענע לאָיאַלע מיטגליעדער אריין אין דער בראָדערהוד, און אויף אַזאַ'ן אופן איז געבאָרען געוואָרען אַ נייע פּאָליטישע פּאַרטיי אונטערן נאָמען „דהי סאָשעל דעמאָקראַסי אָוו אַמעריקא" (די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון אמעריקא). די רעדעל־פיהרער פון דער פּאַרטיי זיינען אַ פּנים געווען גוט רויה אין די פאָרמען פון סאָציאַליסטישער טהעטיגקייט. אַנשטאָט אָנצופיהרען אַ פּראָפּאַגאַנדא אויפ'ן פּאָליטישען פעלד, האָט מען זיך פערנומען מיט קאָלאָניזאַציאָנס־פּלענער, מיט פּראָבעס אין קאָמוניזמוס. וואָס פערשטעהט מען דאָ ניט, אַז געפּלאַנעוועט האָט מען זעהר ברייט. מען וועט זיך בעזעצען, הייסט דאָס, אין איינעם פון דיא מעריב־שטאַאַטען, וואָס איז נאָך גאָר שיטער בעפעלקערט, פערכאַפּען דורך'ן שטימקעסטעל די שטאַאַט־רעגיערונג און אין דעם שטאַאַט איינפיהרען אַ פּאָלשטענדיגע סאָציאַליסטישע אָרדנונג. דאַרף מען בעסער? מען האָט ניט לאַנג געוואַרט און ארויסגעלאָזט, ווי דער שטייגער איז, אַ קול קורא נאָך פאָנדען, און אין אַ קורצער צייט איז געוואָרען געלד לרוב. געאַרבייט אין דער זאַך האָט דיא פּאַרטיי מיט גרויס חשק, און אין 1898 האָט זי שוין געהאַט אַ שטיק לאַנד אין שטאַאַט וואַשינגטאָן ביים שטילען אָקעאַן, וואו עס איז געגרינדעט געוואָרען אין די וויכטע ווילדערנעס די ערשטע קאָלאָניע פון דער בראָדערהוד מיט'ן נאָמען „עקוואַליטי" (גלייכהייט). גערעכענט האָט מען, אַז ס'וועלען קומען צו לויפען ווייניגסטענס טויזענד קאָלאָניסטען, אָבער מעהר ווי 150

האָט די עקוואַליטי אין אָנהויב ניט געהאַט. דיא ארבייט פון דיא אריבערגעקומענע איז געווען אַ קאַטאַרזשנע. דער קאַמפּף מיט דער נאַטור אויף יעדען טריט און שריט האָט געקאָסט גאָר די כחות, אָבער דער מענש איז זי ענדליך גובר געווען, און מען האָט זיך נישטקשה'דיג איינגע־לעבט. אז מיטן עסען איז מען שוין געווען ווי ניט איז פערזאָרגט, האָבען זיך אָנגעפאַנגען די אונ־פערמיידליכע מחלוקות. די מעשה איז, אז אין דער קאָלאָניע האָט געזאָלט הערשען דאס פּרינציפּ פון סאמע שטרענגער גלייכהייט. אַ פולע קאָלאָניסטען האָבען דאס פערטייטשט אין אזא זינן, דאס מען וועט ניט האָבען איבער זיך אַ גרעסערען בעל־דעה, אפילו ניט קיין שמיקעל משגיח אדער אזוי אַ קהל'שע קליאמקע. אָבער אָהן נאַטשאַלסטווא האָט מען דאָך פאָרט ניט געקענט אויסקומען, און ס'איז דארום געוואָרען אַ קלאָג נאָך אַ קלאָג. ערשטענס, האָבען זיך געבונטעוועט די קאָלאָניסטען, וועלכע האָבען ניט געוואָלט האָבען קיין שום גבאים און שמשים פאר קיין געלד ניט. צווייטענס, איז תמיד גע־ווען אַ רייסעריי איבער די קהל'שע שטעללען. אויף וועלכע עס זיינען תמיד געווען זעהר פיעל בעלנים. נאָך אלעמען איז דאָך ליעבער צו פיה־רען דעם צווייטען, איידער אליין געפיהרט צו זיין פון דעם צווייטען. דיא מחלוקות האָבען זיך אויסגעלאָזט ווי זיי האָבען זיך געוועהנליך אויסגעלאָזט אין אלע קאָלאָניעען. אין דעם משך פון דיא ערשטע צוויי יאהר, זיינען אוועק פון עקוואַליטי ארום 300 מענשען, בעת נייע זיינען כמעט ניט צוגעקומען. ווען עס זיינען פערבלי־בען ניט מעהר ווי 30 נפשות (אין 1904), האָט דיא קאָלאָניע איינשטימיג בעשלאָסען אריינ־צוטרעטען אין דיא „פרילענד" בעוועגונג און האָט זיך אויפ'ן אָרט טאַקי אָרגאַניזירט נאָך'ן סיסטעם פון דיא „פרילענדער", און געביטען דעם נאָמען אויף „פרילענד."

פרילענד. דער חילוק פון דעם נייעם קאָ־מוניזמוס ביז דעם אלטען, איז בעשטאַנען דע־רינען, וואָס אין דעם נייעם איז דער קאָמוניז־מוס געווען נאָר אַ לפנים'דיגער. ווייטער איז יעדער קאָלאָניסט גאַנץ פריי, גאַנץ אונאָבהענ־גיג, און קען זיך אויסקלייבען וואָס'ער ארבייט ער וויל. קרעדיט צום טהון די ארבייט קריגט ער אומזיסט פון דער קאָלאָניע. און וואָס מעהר שטונדען ער ארבייט, מיט וואָס מעהר התמדה, בעקומט ער אליין אַ גרעסערען חלק פון די פּראָ־דוקטען. געוועהנליך אָרגאַניזירען זיך די קאָלאָ־ניסטען גרופּען־ווייס פון עטליכע מענשען. און יעדער גרופּע בעשעפטיגט זיך מיט אַ געוויסען פאַך. אין יאנואר 1895 זיינען שוין געווען זיע־בען אזעלכע גרופּען. דערווייל איז נאָך אין דער קאָלאָניע שטיל, שעהן און פיין (אפשר דערפאַר, וואָס עס געפינען זיך דאָ אזוי ווייניג נפשות — ארום־און־ארום אַ מאַן 40), הלואי זאָל דאס נאָר זיין אויף לאַנגע יאהר.

שטאַרק עהנליך צו פרילענד נאָך די פּאַר־מען פון אָרגאַניזאציאָן איז די קליינע קאָלאָניע בוירלי אויף אין דעם זעלבען שטאַט וואשינג־טאָן.

בוירלי. אין 1898 האָט זיך אָרגאַניזירט די „קאָאָפּעריטיוו בראָדערהוד" (קאָאָפּעראַטי־ווע ברודערשאַפט) מיט'ן צוועק צו גרינדען אַ קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע. איהר פּלאַטפאָרמע ווערט אויסגעדריקט בזה הלשון: „מיר ווילען פּראָדוצירען רייכטהום אויף אַ בשותפות'דיגען אופן. יעדער, וואָס בעטהיידליגט זיך אין דער פּראָדוקציאָן, וועט בעקומען אַ חלק על פּי יושר. דאס סיסטעם פון שכירות ווערט אין אלעמען אָבגעשאַפט. די פּראָדוקציאָנס־מיטלען און די פערטהיילונגס־מיטלען געהערען צום גאַנצען קהל. די פאָנדען פון דער קאָלאָניע ווערען פער־ברויכט אין דער קאָלאָניע גופא פאר אן אויס־בעסערונג פון דיא פערשיעדענע פאַכען ארבייט און צום בויען הייזער פאר דיא מיטגליעדער. קיין שום בעצאהלטע קהל'ס־לייט זיינען ניטאָ. די בעאַמטע און דיא דירעקטאָרען קריגען ניט קיין גרעסערען חלק פון דיא איבריגע קאָלאָניס־טען. די פערטהיילונג פון דיא אויסגעארבייטע פּראָדוקטען ווערט געמאַכט נאָך דער צאָהל טעג וואָס איטליכער איז געווען פערנומען. אַ פרוי בעקומט דערביי אַ גלייכען חלק מיט'ן מאַנסביל. דיא אדמיניסטראַציאָן טאָר זיך ניט מישען אין דיא פאַמיליען־אנגעלעגענהייטען פון דיא קאָ־לאָניסטען, וועלכע זיינען ביי זיך אין דער היים אליין די בעלי־הבתים."

דאַכט זיך, צום פּלאַן קען מען גאָר ניט האָ־בען. און דיא קאָלאָניע בוירלי, וואָס די בראָ־דערהוד האָט געגרינדעט דעם אייגענעם יאהר, אין שטאַאַט וואשינגטאָן, ביי אַ גרויסען וואַ־סער, האָט געדאַרפט לעבען און וואַקסען און קוועלען. אָבער אין דער אמת'ן איז דאָ געווען צרות און צרות. מען האָט געהאַט 300 אקער פון דעם בעסטען סאָרט ערד, אויך איז ניט געווען קיין מניעה אין מאַטעריעלער הילף פון דיא איבער טויזענד אויסוועניגסטע מיטגליעדער, וואָס דיא אָרגאַניזאַציאָן האָט געהאַט אין 26 שטאַאַטען און אפילו אין קענעדע. נאָר עס איז אויסגעקומען צו טהאָן פּיאָנירען ארבייט, און אויף דעם איז געווען נאַטירליך שווער צו געפי־נען בעלנים. דיא קאָלאָניסטען פלעגען זיך צו־לויפען, אויסגעמאַטערטע און ענטהמוטיגטע. היינט איבערהויפּט, וויא איבעראל אין דיא קאָ־מוניסטישע קאָלאָניען, איז גראַד שווער געווען

צו געפינען דעם ריכטיגען פאכמאַן. צווישען די ערשטע 125 קאָלאָניסטען זיינען געווען א גוטע פּאָר טוץ פוילענצער, אוואַנטורניקעס, שלים־מזל'ניקעס, וועלכע זיינען לכתחילה געקומען אהער צו פּאַשעווען זיך אויפן קהל'שען חשבון. איצטער איז פערבליבען אין דער קאָלאָניע ניט מעהר וויא 40 נפשות.

רייסעריי‏ען זיינען געווען אין בווירלי א היבשע ביסעל, אָבער א סך ווינציגער וויא למשל אין ראָסקי. דער'הרג'עט דיא קאָמונע האָבען דיא חובות, און ווערליג וויא זיי האָבען זיך אַלץ מעהר פערגרעסערט, איז אין דעם זעלביגען מאָס אַלץ קלענער געוואָרען דער ענטוזיאזמוס סיי פון דער בראָדערהוד און סיי פון דיא קאָלאָניסטען. אזוי האָט מען זיך אָבגעפּלאָגט ביז 1904, ווען אין דער קאָלאָניע זיינען איינגעפיהרט געוואָרען גרינדליכע רעפאָרמען. דיא דאָזיגע רעפאָרמען האָבען אפילו שטאַרק מחולה געמאכט דעם קאָמוניסטישען פּרינציפּ, אָבער דיא מאַטעריעלע לאַגע, וויא מען רעכענט, האָבען זיי לעת עתה יא פערבעסערט. אויף וויא לאַנג — דאָס איז אַן אַנדער פראַגע.

א הוין דיא געמאכטע נישט־געלונגענע פּראָבעס זיינען אונז בעקאַנט א סך נאָך נייטס אויסגעפיהרטע פּלענער פון קאָמוניסטישע קאָלאָניען, זעהר כאַראַקטערעריסטישע. נאָך דער טיעפסטער איבערצייגונג פון דיא מענשען, ביי וועמען דיא דאָזיגע פּלענער זיינען געבאָרען געוואָרען, וואָלטען זיי, דיא פּלענער הייכט דאָכ, געזאָלט האָבען א זיכערען און א גלענצענדיגען ערפאָלג, ווען מען וואָלט נאָר געהאט דיא נויטיגע מיטלען דיא פּראָבעס צו מאכען. איין בעוועגונג איז דיא אינדאָסטריעל בראָדערהוד, וואָס עס האָט געגרינדעט דער געוועזענער סעקרעטערי פון דער איבען דערמאָנטער „בראָדערהוד אָוו דהי קאָאָפּערייטיוו קאמאנוועלטה“. ווען די לעצטע אָרגאַניזאַציאָן האָט גענומען אויסגעהן וויא א חנוכה־ליכטעל, האָט זיך דער סעקרעטערי צוריקגעצויגען און איז ארויס מיט זיינעם אַן אייגענעם פּלאַן, נאָך א גרעסערן און א שעהנערן פון יענעם. מיטן איין שטאט וואשינגטאָן, איז געווען זיין טענה, האָט מען ניט געטאָרט זיך בענוגענען. אויב מען וויל ערפאָלגרייך בעקעמפּפען דיא טראָסטס, דאַרף מען גרינדען סאָציאַליסטישע אונטערנעהמונגען פון דער זעלבער ברייטקייט וויא דיא טראָסטס (גאָר א קלייניגקייט!) און גרינדען זיי דוקא אין פערשיעדענע שטאַטען און אין איין צייט. פערשטעהט זיך, קען מען זיך ניט ריהרען פון אָרט, וואו מען האָט ניט איין מיליאָן מענער און הונדערט מיליאָן דאָלאר. ניט מעהר און ניט ווייניגער. אָבער

אויף דעם אויפרוף, וואָס דער בעל־פּלאַן האָט ארויסגעלאָזט, האָט זיך כמעט קיינער ניט אָבגערופען, און דיא בראָדערהוד איז גיך איינגעשלונגען געוואָרען פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג.

א מערקווירדיגער טיפּ פון אַן איבערצייגטען און בעגייסטערטען קאָמוניסט איז א געוויסער לאַנגלי. זיין קאָמוניסטישע קאַריערע האָט ער אָנגעהויבען אין 1853 אין דער פוריערסטישער „נאָרד אמעריקאַן פאלאנקס“. פון דאַנען איז ער אַוועק גרינדען אייגענע קאָלאָניען. און עד היום האַלט ער אין איין גרינדען נייע אָדער מחיה המתים זיין אויסגעשטאָרבענע. און הגם דיא קאָלאָניען צופאַלען אַלע וויא הייזלעך פון קאָרטען ביים ערשטען בלאָז, איז לאַנגלי פון דעסטוועגען אויף איין האָר אויך ניט געריהרט געוואָרען אין זיין שטייפער אמונה. ניט ווייט פון סט. לואיס, זיין געבורטס־אָרט, האָט ער 40 אקער לאַנד, בעדעקט מיט וועלדער און קוסטען, און ער קען זיך אַלץ ניט איינבעטען ביי דער מענשהייט אַז זיא זאָל אהער ארויסשיקען בלויז 100 נפשות אום אָנצופאַנגען א קאָמוניסטיש לעבען. פון צייט צו צייט גיט זיך איהם איין ארייצוקריגען צוויי־דריי מענער אָדער א גאַנצע פאַמיליע, דאָס רוב פערבלאָנדזשעטע נשמות, אָבער זיי אַנטלויפען פון דעם גן עדן, וויא זיי ווערען נאָר בעקאַנט מיט זיינע גרויסע גריקען.

פון גאָר דיא נייעסטע פּלענער האָט זיך געלאָזט הערען אפּטאָן סינקלעיר'ס פּלאַן צו גרינדען א קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע וואָס וועט הייסען „דהי טרו לייף“ (דאָס אמת'ע לעבען) און איז לכתחילה בעשטימט פאר מענשען מיט א כמעט נגיד'ישען טייסטער פון איין זייט און א פיינעם געשמאַק פון דער אַנדערער. געפינען וועט זיך דיא קאָלאָניע אין א פּרעכטיג־שעהנעם אָרט, אויף א הויכען אָרט, דיא זאָגענאַנטע „פּאַליסאַדען“ ביים טייך האָדסאָן, ניט ווייט פון ענגלוואוד און איין שעה רייזע פון נויאָרק. צוערשט דאַרפען זיך בעזעצען נאָר 12 פאַמיליען, און אַז דיא פּראָבע וועט זיין א געלונגענע, ס'הייסט אַז דיא ווייבער וועלען צווישען זיך לעבען בשלום, וועלען זיך אַריבערקלייבען אין „דאָס אמת'ע לעבען“ ארום 100 הויז־געזינטען. קיין שום סאָציאַליזמוס וועט מען דאָ חלילה ניט פערזוכען. נאָר דאָס לעבען וועט זיין וויא ווייט מעגליך קאָמוניסטיש, איטליכער וועט זיך בעשעפטיגען וויא ביז אהער מיט זיין „קאַפּיטאַליסטישער“ שטיק אַרבייט, ס'רוב פערשטעהט זיך אין נויאָרק. צווישען דיא מיטגליעדער האָט איהר פּראָפעסאָרען, זשורנאַליסטען, לאָיערס, דאָקטוירים א. ד. גל. אין א געוויסען זינן דער־

מאַנט דיא געפלאָנעוועטע קאָלאָניע דיא בעריהמ־טע ברוק פארם, און ווער וויים, צו זיא וועט ניט האָבען דעם זעלביגען סוף.

נאָמיר זעהען יעצט, וואָס פאר א שלום מען קען ציהען פון דיא געמאכטע פּראָבעס מיט'ן קאָמוניזמוס. האָט דאָס בשותפות'דיגע לעבען איבערגעאנדערשט דעם כאראקטער פון מענ־שען? האט דאָס איהם געמאכט וויניגער עגאָ־איסט, צופריעדענער, מעהר צוגעבונדען צו זיין שכן? האָט זיך איבערהויפּט ארויסגעצייגט ביי דעם מענשען דיא פעהיגקייט אויפצוגעבען דאָס פּרינציפּ פון פריוואט אייגענטהום? האָט אפשר דיא קאָלעקטיוויסטישע ווירטהשאפט מיט איהר זאטער, רוהיגער עקזיסטענץ אָהן זאָרג און אָהן דאגות געווירקט שעדליך אויף דעם מענשען'ס גייסט? פערשלעפערט דעם מוח, פערטריקענט דאָס הארץ?

מיר האָבען צוויירלייא עדות אויף צו פער־ענטפערן דיא אלע קשיות: געגנער פון'ם קאָמו־ניזמוס און הייסע פריינד, חסידים. אי דיא, אי יענע זיינען נאטירליך פּארטייאיש. אָבער א שטיקעל אמת וויא געוויינליך ליגט אין ביי־דענס עדות זאָגען, און אז מען זאָל נאָר אָט דאָס האלטען אין זינען, קען מען יע קומען צו א גע־וויסען מעהר אָדער וויניגער ריכטיגען שלום.

דיא געגנער געהען ארוים פון דעם שטאנד־פונקט, אז די מענשליכע נאטור, איז אין גרונד פערדאָרבען. פיהרט אריין, זאָגען זיי, דיא צוויי־פיסיגע חיה אין א קאָמונע, איז ערשטענס וועט זיא זעהען אויסצומיידען דיא ארבייט, וואָס עס קומט אוים אויף איהר חלק, און צווייטענס וועט זיא אָנפלאָדיען קינדער אָהן א ברעג (דער קאָפּ אויף חיונה דארף דאָך ניט דרעהען). וועגען הוי־זען איינס מיט דאָס אנדערע איז אָבגערעדט. קיין שלום קען איבערהויפּט ניט זיין, ווייל יע־דער וועט וועלען פאר זיך דעם פעטסטען ביסען און גרעסטען ביסען. און היות וויא עס וועט נאָך ניט זיין קיין שום פּערזענליכע פעראנט־וואָרטליכקייט, וועט דיא ארבייט געטהאָן ווערן כאפּ לאפּ, און איינער וועט נאָך שולדיג מאכען דעם צווייטען.

דיא אלע מיאוס'ע שטריכען פון דעם מענ־שען'ס נאטור האָבען זיך טאקי ארויסגעוויזען לרוב אין דיא קאָמוניסטישע קאָלאָניען, אָבער ווייט ניט ביי יעדען איינציגען פון דיא קאָלאָ־ניסטען. דעם שלעכטען מאָראלישען איינפלוס האָבען גרעסטענטהיילס אריינגעבראכט דיא טרעמפּס און דיא קריינקס, פון וועלכע מען האָט זיך בשום אופן ניט געקענט אויסהיטען. אנדערע קאָלאָניסטען האָבען פערקעהרט בעווי־זען אז אונבעגרענצטען מסירת נפש און דעם גע־זונד מיט'ן לעבען אוועקלעגעגט פאר דער טובה פון דער קאָמונע.

ווייטער שטיצען זיך די געגנער אויף דער בעוואוסטער טענה, אז אויב ניט דאס סיס־טעם פון קאָנקורענץ, וואָלט די מענשהייט קיין שום פּראָגרעס ניט געמאכט, און זיי קומען ארוים מחמת דעם מיט דער פאָלגענדער בעהויפּטונג: ווען דער קאָמוניסט וועט זיין גאנץ צופריעדען מיט זיין מאטעריעלער לאגע, וועט ער ניט וועל־לען ברעכען דעם מח און געהן פילאָזאָפירען, חשבון'ען, ערפינדען, דיכטען. ער מוז ווערען מיט דער צייט א שלעפעריגע, מעלה־גרה'דיגע קוה.

דיא דאָזיגע טענה ווערט אויך געוועהנליך ארויסגעשטעלט געגען די צוקינפטיגע סאָציא־ליסטישע געזעלשאפט. בנוגע צו די קאָמונעס, איז דיא טענה א גאנץ פאלשע. נאָרדהאָף, דער היסטאָריקער פון דיא קאָלאָניען, קען זיך איינ־פאך ניט אָבוואונדערן פון דעם ערפינדונגס־גייסט, וואָס די קאָלאָניסטען צייגען ארוים או־מעטום אין יעדען פאך. און נאָך אלעמען, ווען מען דערמאָהנט זיך, אז דיא מיטגליעדער זיי־נען פריי פון דער שווערער זאָרג פון חיונה, אז זיי טוען זייער ארבייט אין דער צייט און אין דער מאָס, אז קיינער טרייבט זיי ניט און קיינער יאָגט זיי ניט, אז זיי בעקומען דעם פולען ווערטה פון זייער פראצעווען און האָבען א סך פרייע צייט פאר זיך, קען מען זיין זיכער, דאָס עס דארף יאָ זיין ביי זיי א שטארקע בעדירפניס זיך אָבצוגעבען מיט גייסטיגע פערגעניגענס און צו ענטוויקלען אי דעם מוח און אי דיא פיינע חושים.

צו דיא קאָלאָניסטען האָבען געביינקט נאָך דעם סיסטעם פון פריוואט אייגענטהום איז שווער צו זאָגען. דיא, וואָס האָבען זיך איינגע־לעבט אין דער קאָלעקטיוויסטישער בעל־הביתיש־קייט, האָבען דערצו קיין שום געלעגענהייט ניט געהאט. זיי האָבען אויסגעזעהען צופריעדען און מונטער, זיינען געווען געזונד, פון משוגעת אָדער זעלבסטמאָרד איז ביי זיי ניט געהערט גע־וואָרען, און דאָס רוב דערגרייכען זיי א טיעפען עלטער. אין דער קאָלאָניע אמאנא צום ביי־שפּיעל זיינען צוויי מיטגליעדער איבער 90 יאָהר אלט און ארום 25 — צווישען 80 און 90.

בעשולדיגען דיא קאָמוניסטען אין אויסגע־לאסענהייט און אנדערע שלעכטע מדות וועט אפילו פּראָפּ. בוש אויך ניט. זיי זיינען עהר־ליך ביז גאָר, גאסט־פריינדליך, גוט־הערציג, וועלען יעדען בעהילפיג זיין מיט וואָס זיי קע־נען. זייערע קינדער־שולען זיינען תמיד געווען דיא בעסטע אין דער סביבה. זיי האָבען אויס־געהאלטען גוטע לייבערערים און לעזע־צימערן, גע־

האָט אָפטע דעבאַטען, און בכלל אין דעם ענין פון קולטור זיינען זיי געשטאַנען אַ סך, אַ סך העכער, איידער מענשען פון דער אויסווייניגסטער וועלט, וועלכע געפינען זיך אין דיא זעלביגע, עקאָנאָמישע אומשטענדען.

בקיצור, וויא דיא מעהר אָדער ווייניגער געלונגענע פּראָבעס האָבען בעוויזען, האָט דאָס קאָמוניסטישע לעבען גוט געווירקט אויף דיא פיזישע, גייסטיגע און מאָראַלישע ענטוויקלונג פון דם מענשען, וואָס דיא געגנער פון קאָמוניזמוס זאָלען ניט דערפון זאָגען. דער מענש, האָט זיך אַרויסגעצייגט, איז יאַ פעהיג אַראָבצו־וואַרפען פון זיך דיא ווילדע הויט, וואָס דיא עקאָנאָמישע שקלאַפעריי האָט אויף איהם מיט געוואַלד אַרויפגעצויגען. און אויב מיר קענען לערנען פון דיא קאָמונעס נאָר דעם איין כלל אַליין, דאַרפען מיר שוין זיין אונענדליך דאַנקבאַר דיא טויזענדער מאַרטירער, וועלכע זיינען אומגעקומען פאַר זייער אידעאַל אין דער שווערער פּיאָנערען־אַרבייט. עהרע זייער אַנדיינקען!

דיא סאָציאַליסטען־טעריטאָריאַליסטען אין טהעאָריע און פּראַקטיק

(אַ ענטפער אויף דיא אַרטיקלען פון
יעקב מילך.)

פון אַב. גאָלדבערג.

2.

דיא סאָציאַליסטען טעריטאָריאַליסטען שטעהען אויף דעם באָדען פון היסטאָרישען מאַטעריאַליזם אין זייער אויפפאַסונג פון דעם סאָציאַליזם, וויא פון דער טעריטאָריאַליזם. זיי זיינען אַלזאָ, אַזוי ווייט מאַרקסיסטען. קומט אָבער צו געהן יעקב מילך און ערקלעהרט קאַטעגאָריש, אַז „עס האַלט זעהר שמאָל מיט זייער מאַרקסיזם.“

וואָס איז אָבער מאַרקסיזם? וואָס פערשטעהען מיר אונטער דעם אַבסטראַקטען, אַזוי אָפט מיסברויכטען אויסדרוק? אונטער מאַרקסיזם פערשטעהען מיר געוויס ניט יעדען וואָרט, פראַזע, אָדער אַפילו געדאַנק וואָס מאַרקס אָדער ענגעלס האָט דאָ אָדער דאָרט געזאָגט, ווייל אַ סך פון זייערע בעהויפּטונגען זיינען לאַנג בעשטריטען געוואָרען פון זייערע אייגענע אַנהענגער, און זיי זיינען דאָך אַלין פערבליבען גוטע מאַרקסיסטען.

וואָס דען איז מאַרקסיזם? אויף דיא פראַגע ענטפערט קאָוטסקי אין זיין „אַנטי־קריטיק“ וויא פאָלגט: אין דער מאַרקס לעהרע געהערט דיא ענטשיעדענע בעדייטונג איהר מעטהאָדע, און ניט איהרע רעזולטאַטען. דיא רעזולטאַטען מעגען זיך ענדערן. אין אייניגע פּרטים האָבען זיי זיך שוין געענדערט, און אין אַנדערע וועלען זיי זיך נאָך ענדערן אין דער צוקונפט, וועלכע ברענגט מיט זיך ניט נור נייע פאַקטען, נור אויך נייע אונטערזוכונגס מיטלען ― ווען אַ געוויסע ערשיינונג ווערט אַלזאָ אונטערזוכט מיט דער מאַרקסיסטישער מעטהאָדע, מעג מאַרקס יאַ האָבען אונטערזוכט און אַנאַליזירט דיא ערשיינונג, אָדער ניט, נור וויא באַלד אונטערזוכענדיג מיט דער מעטהאָדע קומען מיר צו געוויסע רעזולטאַטען, דאַן זיינען אייגענטליך דיא רעזולטאַטען אַ "פּועל יוצא„ פון אונזער מאַרקסיסטישען דענקען, און מיר זיינען אַזוי ווייט מאַרקסיסטען:

לאָמיר נעהמען אַ קאָנקרעטען פאַל, טאַקע דעם טעריטאָריאַליזם. מאַרקס, וואָס האָט זיין טהעאָריע געשאַפען, נעהמענדיג פיר זיין „אונטערזוכונגס אָביעקט“, אַ פאָלק וואָס האָט זיין אייגענע טעריטאָריע, וויא דאָס פאָלק פון ענגלאַנד, האָט ניט געקענט קומען צום טעריטאָריאַליזם, דאָך הייסט עס נאָך ניט, אַז אַ פאָלק וואָס האָט ניט קיין טעריטאָריע, זאָל ניט קענען קומען בענוצענדיג זיך מיט מאַרקס מעטהאָדע צו דער איבערצייגונג אַז טעריטאָריע איז פאַר איהם אַ לעבענס נויטווענדיגקייט.

וואָס טהוט אָבער יעקב מילך, וועלכער וויל בעווייזען, אַז מיר זיינען ניט קיין מאַרקסיסטען?

ער גיט איבער „אויף איין פוס" — אָבער אויף איין פוס — דעם מאַרקסיזם, ד. ה. ערקלעהרט דיא פאַקטאָרען, וואָס האָבען ארויסגערופען דעם סאָציאַליזמוס און אויך דיא פאַקטאָרען וואָס וועלען איהם פערווירקליכען, און לאָזט אויס מיט שטאָלץ און „דער לעזער קען גלייך (?) איינזעהן אַז פון דעם אַליין קען מען ניט אויספּשט'לען, אַז אידען דארפען האָבען אַן אייגענע טעריטאָריע" — איהר הערט אַ חכמה? וויא אַזוי זאָל מען דאָס פון דער טהעאָריע, וואָס איז צוגעפּאַסט צו טעריטאָריאַלע פעלקער אויספּשט'לען דעם טעריטאָריאַליזמוס? דיא סאָצ. טעריט. האָבען קיינמאָהל אַזאַ נאַרישקייט ניט געזאָגט. וואָס זיי זאָגען יאָ איז דאָס, אַז אונטערזוכענדיג דיא אידישע עקאָנאָמישע סטרוקטור, לויט דער מאַרקסיסטישער מעטהאָדע, קומען זיי צום טעריטאָריאַליזמוס. דאָס אַלעס.

וואָס איז אָבער דיא מאַרקסיסטישע מעטהאָדע? יעקב מילך זאָגט אונז: „דיא מאַרקסיסטישע לעהרע איז בעגרינדעט אויף דעם כלל, אַז דיא עקאָנאָמישע פערהעלטניסע (ניט דיא „עקאָנאָמישע אומשטענדען") זיינען דער יסוד אַרום וועלכען דיא גאַנצע מענשליכע היסטאָריע דרעהט זיך. מיט אַנדערע ווערטער: דיא אַרט און וויזע וויא אַזוי דיא מענשען פּראָדוצירען, און פערטהיילען צווישען זיך דיא זאַכען, וואָס זיינען נויטיג צום לעבען, איז דער פונדאַמענט פון אַלע וויכטיגע האַנדלונגען, דאָס איז דיא פילאָזאָפיע פון מאַרקסיזם, דאָס איז צו דערזעלבער צייט זיין מעטהאָדע צו פאָרשען דיא היסטאָריע".

נון, נאָך איידער מיר געהן ווייטער מוזען מיר שוין זאָגען, אַז אונזער פריינד קריטיקער, דער הייסער פערטהיידיגער פון מאַרקסיזם, פערשטעהט ניט ריכטיג דאָס וואָס ער פערטהיידיגט. אַזוי, לכל הפחות, ווייזט דיא ציטאַטע וואָס מיר האָבען אָקאָרשט געבראַכט. דען זי'ער מאַרקסיזם קען ניט איגנאָרירען, און איגנאָרירט ניט דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען, וויא אונזער קריטיקער וויל דאָס האָבען. נאָך פון ראָבערט אָוען האָט דאָס וואָרט Circumstance פערנומען אַ וויכטיגען פּלאַץ אין דער סאָציאַליסטישער לעהרע.

אַזוי האָט אויך געוויס אַ בעדייטונג, ניט נור דיא עקאָנאָמישע פערהעלטניסע, נור אויך דיא עקאָנאָמישע לאַגע פון דעם אָדער יענעם קלאַס. וואָס דען דענקט אונזער קריטיקער, נור דיא עקאָנאָמישע פערהעלטניסע זיינען דער הויפּט פאַקטאָר? וויא אַזוי? ערקלעהרט יעקב מילך: עס איז דיא עקאָנימישע פערהעלטניסע פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, דיא פערהעלטניסע, וועלכע פיהרען דיא קאָנקורענץ, א. ז. וו. וואָס פעראורזאַכען דאָס בויען פון אימער בעסערע און גרעסערע מאַשינען א. ז. וו. וואָס טרייבט דיא מיטעל-קלאַסע צו ווערען פּראָלעטאַריאַט א. ז. וו. וואָס פערטהיילט דיא מענשהייט אין קלאַסען, וואָס בעשאַפט נייע אַנזיכטען איבער מאָראַל און יושר, א. ז. וו." נון, גוט, וויא אָבער ווערען דיא נייע איינזיכטען איבער מאָראַל און יושר בעשאַפען, פריינד קריטיקער? איז דאָס ניט דאַפיר, ווייל דער נייער מאָראַל אָדער יושר ענטשפּריכט דיא נייע בעדירפניסע פון דעם נייעם קלאַס? איז דאָס ניט דאַפיר ווייל זיין לאַגע צווינגט איהם צו ענדערן זיין בעגריף איבער דעם אָנגענומענעם יושר? וואָס אייגענטליך געשעהט, מיר מיינען, וואָס פיר אַ געווינס איז דאָס פיר דעם סאָציאַליזם דער פאַל, וואָס דיא קליין-בירגער געהען איבער אין דיא רייהען פון פּראָלעטאַריאַט, ווען ניט דאָס, וואָס דאַן ענדערט זיך זייער לאַגע, און דאַפיר מוז אויך זייער בעגריף ווערען אַנדערש? נו, ווייטער, קענען מיר דען רעכענען דאָס ענטשטעהן פון דיא מאַשינען, דאָס הייסט פון נייע פּראָדוקציאָנס מיטלען גאָר אַלס עקאָנאָמישע פערהעלטניסע, און ניט אַלס דעם שאַפער און רעגולאַטאָר פון די פערהעלטניסע? וויא ווייט אונז איז בעקאַנט איז לויט דעם מאַרקסיזם דיא פּראָדוקציאָנס-פערהעלטניסע אימער אַ רעזולטאַט פון דיא פּראָדוקציאָנס מיטעל. ביי דיא ווילדע שטאַמען, וואָס ערנעהרען זיך פון געיעג, צ. ב. קומט פאָר פאָלגענדעס: אין פאַל ווען זייער „כלי זיין" איז אַ זאַלבער, וואָס מען קען דערקענען, וועמעס געוועהר עס האָט דער'הרג'עט דיא חיה, דאַן ווערט דיא געשאָסענע חיה דאָס פּריוואַט אייגענטהום פון דעם ווער עס האָט איהר גע-הרג'עט, איז אָבער ביי זיי דיא געוועהר אַזעלכע וואָס מען קען ניט דערקענען, וועמעס — זאָגען מיר — בויגען עס האָט דיא חיה דער-הרג'עט דאַן איז דיא פערטהיילונג פון רויב געוויינליך אַ קאָמוניסטישע. ביי אונזער פריינד יעקב מילך ווערען גאָר דיא פערהעלטניסע עפּיס אַ מין פעטיש ר"ל, אַ מין גייסט וואָס שוועבט אַרום און איז מחריב עולמות.

נור מעג זיך יעקב מילך דענקען וויא ער וויל, דער אמת איז אָבער, אַז דיא נייע עקאָנאָמישע, פערהעלטניסע זיינען אימער אַ רעזולטאַט פון דעם אָנוואוקס פון נייע פּראָדוקציאָנס מיטלען. מיט אַנדערע ווערטער, פון אָביעקטיווע אומשטענדען, און מיט דער מעטהאָדע, פריינד קריטיקער, האָבען מיר זיך בענוצט, אין אונזערע אונטערזוכונגען און דאַפיר זיינען מיר מאַרקסיסטען. און אומזיסט האָט זיך אונזער פריינד קריטיקער אַזוי שפּעט דערמאָנט דאָס דיא ס. ט. וועלען מאַכען איינווענדונגען געגען זיינע טענות,

ערקלעהרענדיג, אַז זיי זיינען מאַרקסיסטען אין דעם זינן, וואָס זיי ווענדען אָן דיא מאַרקסיסטישע מעטהאָדע — געוויס אַזוי. וואָלט איהר דאָס זיך געוועזן פריהער דערמאָנט פריינד קריטיקער, דאַן וואָלט איהר פערשפּאָרט איבריגע טענות. דאָס איז מכה דעם מאַרקסיזם.

נאָך ערגער געהט עס מיט אונזער קריטיקער, ווען ער נעהמט איבערגעבען אונזער לעהרע מיט זיינע ווערטער. אונזער פילאָזאָפיע גיט ער איבער אין 4 פּונקטען. וואָס זשע מיינט איהר? הוץ דעם ערשטען פּונקט, וואָס איז ריכטיג, זיינען דיא איבריגע צונויפגעוועבט פון שטיקלעך אמת׳ן מיט שטיקער אבסורדען, און דאָס טהוט ער אַלץ אין אונזער נאָמען. ווירקליך מען מוז זיך וואונדערן אויף דער קליינער תפיסה פון אונזער געהערטען געגנער. ער פאַנגט אָן דיא דאַרלעגונג פון אונזער טהעאָריע אַזוי:

1) „עס איז דאָ אַ נאַציאָנאַלע אינדוסטריע“ דאָס איז אמת, כאָטש יעקב מילך וויצעלט זיך אויף דעם חשבון און דערמאָנט דאַביי שרעקליכע זאַכען וויא ספרי תורות, מזוזות. 2) „ווען פערשיעדענע פעלקער וואָהנען אין אַ לאַנד געהט אָן אַ קאַמפּף צווישען דיא פערשיעדענע נאַציאָנען“... איידער מיר ענדיגען דעם פּונקט, ערקלעהרען מיר שוין דאָ אויף אַן אָרט, אַז דאָס איז ניט ריכטיג, ווייל דאָ ווערט דער געדאַנקען איבערגעגעבען ווי אַ רעגעל, „וואָס איז אימער אַזוי ווען פערשיעדענע פעלקער וואָהנען אין איין לאַנד, און מיר זאָגען אָבער, אַז ווען פערשיעדענע פעלקער וואָהנען צוזאַמען קומט נור דאַן ערשט פאָר אַ קאַמפּף, ווען איין פאָלק איז שטאַרקער פיר דעם צווייטען, ווען אָבער זיי זיינען ביידע גלייך שטאַרק, דאַן געהט קיין קאַמפּף ניט אָן, אָדער ווען אַפילו ווען איין פאָלק איז שוואַכער, נור אין פאַל ווען ביידע פעלקער מוזען זיך פעראייניגען צוליעב איין אויסערליכען שונא, הערט אויך אויף דער קאַמפּף אויף אַ געוויסע צייט, אַמאָהל אַפילו אויף אימער. אַ קאַמפּף איז אימער אַ רעזולטאַט פון דיא פערהעלטניסע פון רעאַלע קרעפטען, אַ גוטער ביישפּיעל איז שווייץ. *)

ווייטער פּונקט צוויי: „דאָס הערשענדע פאָלק איז אימער דער זיעגער אויך עקאָנאָמיש“, דאָס איז אמת. דער „אויך“ איז איבריג, דען זיעגט אַ פאָלק איבער דעם צווייטען פּאָליטיש מוז זיך עס אָפּשפּיגלען אויף דער עקאָנאָמיק, דאָך דער טעם ווארום עס זיגט איז ניט וויא יעקב מילך לייגט אונז אריין אין מויל, נעמליך:

„ווייל דיא אינדוסטריע בעלאַנגט צום הערשענדען פאָלק“, אַזאַ אבסורד האָבען מיר ניט געזאָגט. וויא אַזוי קענען מיר זאָגען אלס כלל אַז דיא אינדוסטריע בעלאַנגט צום הערשענדען פאָלק, ווען דיא פראַגע ווערט געשטעלט אין יעדען פאַל: צו בעלאַנגט זיא? מיר קענען דאָך דיא זאַך ניט מאַכען אין „האָלסייל“. יעדער פאַל מוז דאָך אונטערזוכט ווערען. עס איז אַ פאַקט צ. ב. דאָס דער גרונד־בעזיץ פון דיא אונטערדריקטע איירלענדער געהערט צו ענגלישע לאָרדען, קענען מיר דאָך אַלץ ניט קומען און זאָגען, אַז ווען אַ פאָלק איז אונטערדריקט מוז זיין גרונד־בעזיץ זיין דאָס אייגענטהום פון דיא לאָרדען פון הערשענדען פאָלק. דאָס איז דאָך לעכערליך, אונזער פריינד קריטיקער וויל אָבער מיר זאָלען „פעראַלגעמיינערען“ און געהט טהוט איהם עפּעס.

3) „דאָס פּראָלעטאַריאַט צוטהיילט זיך אין פּאָזיטיוועס און נעגאַטיוועס“ — אַזוי ווייט איז אמת. דאָס זאָגען מיר, און אין דעם זינן וויא איך האָב עס אין פאָריגען ארטיקעל ערקלעהרט. ווייטער אָבער ביי דעם זעלבען פּונקט דערצעהלט יעקב מילך וויא מיר ערקלעהרען, אַז „דאָס פּראָלעטאַריאַט פון דעם הערשענדען פאָלק איז אימער דאָס פּאָזיטיווע און דאָס פּראָלעטאַריאַט פון אונטערדריקטען פאָלק איז פעראורטהיילט אַריינצופאַלען אין דיא רייהען פון לומפּען פּראָלעטאַריער“. עטוואָס אַזוינס האָבען מיר אָבער קיינמאָהל ניט געזאָגט. ווייל דאָס הענגט אָפּ אין יעדען בעזונדערן פאַל פון פערשיעדענע אומשטענדען. דיא לעבעדיגע פאַקטען ווידערשפּרעכען עס.

4) „דער צושטאַנד פיהרט צו עמיגראַציאָן פון אונטערדריקטען פאָלק“, נון, דער פּונקט איז אמת, נור דאַן ווען דער דריטער פּונקט שטעלט זיך אַרויס פאַר ריכטיג. אין אַזאַ פאָרמע אַלזאָ גיט יעקב מילך איבער אונזער טהעאָריע. אונזער קריטיקער ווילט זיך דוקא „פעראַלגעמיינערען“ אונזער טהעאָריע, כדי ער זאָל קענען אויספיהרען, אַז „אַן אַלגעמיינע טהעאָריע קען ניט האָבען קיין זינן ווען זיא קען נור ווערען אָנגעווענדעט אויף איין ספּעציעלען אויסנאַהם׳ס פאַל“ — נו, בקיצור, מיר וועלען שוין אָננעהמען, אַז דיא לעצטע בעהויפּטונג איז אַ ריכטיגע, פרעגט זיך אָבער אַ פראַגע, ווארום פריינד יעקב מילך האָט איהר גענומען אונזער טהעאָריע, וועלכע בעהאַנדעלט אַ טעריטאָריאַללאָזעס פאָלק און מעסט איהר אָן אויף גלאַט אונטערדריקטע טעריטאָריאַלע פעלקער? אונזער טהעאָריע — אויב איך ווילט זיך דוקא אַלגעמיינעס — קען אָנגעווענדעט ווערן אויף אַלע פעלקער, וואָס האָבען פערלאָרען זייער טעריטאָריע, וואָס האָבען

*) זעה: נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם אין 19טען יאָהרהונדערט. גימפּלאָוויטש.

דורכגעמאכט דיזעלבע געשיכטע, וואס האבען ניט צ. ב. שוין זייט טויזענדער יאהרען קיין בויערן קלאס. קאוטסקי אין זיין ארטיקעל נאך קישינעווער פאגראם פערגעסט שוין גאר ניט דעם לעצטען פאקט, ווען ער רעדט איבער דיא אונטערשיעדע צווישען אונזער קערפערליכען וויא גייסטיגען בוי און פון אנדערע פעלקער.

וויא אזוי מען קען אלזא פון אונזער טהעא־ריע אויסדרינגען, אז אויף אזא אופן האבען דיא פאליאקען, דיא פינלענדער, דיא לאטישען, דיא ארמעניער, א. ז. וו. קיין נאציאנאלע אינ־דוסטריע" — ווייס נור אונזער ליעבער קריטי־קער. פערשטעהט זיך, אז אזוי לאנג וויא ער שטיצט זיך אויף זיינע אייגענע פאלשע גרינדע, וועלכע ער וויל אוועקשטעלען אויף אונזער חשבון, איז אונזער קריטיקער זעהר לייכט צו „ציהען דעם שנור", לויט זיינע אייגענע פיער רעגעלן, נאך ווייטער און אויסצופיהרען אז דיא פוילען וועלען אריינפאלען אין לומפען פראַ־לעטאריער, נאכדעם וועלען זיי עמיגרירען און וועלען זוכען א טעריטאריע, כדי נאכדעם מיט נצחון אויסזושרייען: „פון א בלאטע קען מען נור ארויסשלעפען איין פוס, ווען מען שטעקט שוין אריין נאך טיעפער דעם צווייטען" — טיעפזיניג! געזינגט, דאכט זיך, דערמאנט זיך אבער, מעשה שטן, יעקב מילך, אפילו אביסעל צו שפעט, אז מיר קענען איהם דאראויף ענטפערן און ער גיט איבער אונזערע ריכטיגע טענות. „זיי (דיא ס. ט.) וועלען זאגען דאס איז ניט קיין פערגלייך, דיא פאליאקען האבען אין אמת'ן זייער אייגען לאנד, מיט זייער אינדוס־טריע, א. ז. וו. וועהרענד אידען זיינען אין א אויסנאהמסלאגע וואס עס זאל אין רוסלאנד ניט פאסירען א. ז. וו. קיין טעריטאריע וועלען זיי אלץ ניט האבען, דיא אינדוסטריע וועט אלץ ניט זיין זייערע, זיי וועלען אלץ זיך מוזען ארומ־שלעפען איבער דער וועלט" אלץ ריכטיגע טענות. ווארום אבער האט איהר זיך אזוי שפעט דער־מאנט? אונזער פריינד בלייבט ביי זיך ניט גע־פאלען: שא — זאגט ער — עס געפעלט אייך ניט דער שטאנדפונקט וועל איך „קריטיקירען" פון איין אנדער שטאנדפונקט", דען קריטיקירען מוז ער דאך.

וואס זשע איז דיא נייע קריטיק? אט נאט אייך א טאבעליצע; פון דער טאבעליצע זעהט איהר אז אי ענגלענדער, אי איטאליענער, אי דייטשען, און נאך און נאך פעלקער, האבען עמיגרירט גאנצע זיעבען מיליאן, זאגאר מעהר פון 7 מי־ליאן, און אידען האבען עמיגרירט א קנאפער מיליאן, און איהר רעדט נאך פון אידישער עמיגראציאן? שעהמט זיך! אי איז דאך די קשיא וויא פיעל צעהלען דיא אידען, און וויא פיעל דיא יענע אויסגערעכענטע פעלקער, סטייטש, דאס מוז דאך דוכט אויסגע'חשבון'ט ווערען אויפן פראצענט? יעקב מילך דערמאנט זיך טאקי אן דעם אויך, נור וויא זיין טבע איז אביסעלע צו שפעט, אז זיי רעדען נור פון דער עמיגראציע רעלאטיוו" — אזוי קענען זיי זאגען. איז טאקי יעקב מילך מודה, אז א שטיקעל אמת שטעקט אין דעם, עס וואלט געווען אפילו אינטע־רעסאנט צו וויסען, וויא גרויס איז דאס שטי־קעל? נור מוחל. אונזער קריטיקער איז מיכן על כל צרה, און ער האט שוין אויך אויף דער קשיא אן ענטפער: דיא צוויי קאמישיאנערס פון דער אמעריקאנער רעגיערונג, וואס האבען אליין גע־זאגט, אז אידען עמיגרירען צוליעב אונטערדרי־קונג.

אבער נאך וואס האט מען בעדארפט דיא קאמישיאנערס, דער בונדיסטישער קריטיקער אין יענעם „בעריהמטען" ביכעל, פון וואנען אונ־זער פריינד איז זיך מודה אז ער האט פיעל גע־שעפט האט שוין לאנג געזאגט, „אז אין גאנצען איז שולדיג דיא צארישע רעגיערונג. האבען מיר שוין לאנג געענטפערט, אז דאס איז בלויז ראַ־דיקאלע בורזשוא פלוידעריי, צו וועלען אלעס ארויפווארפען אויף דעם רעזשים, און ניט אונ־טערזוכען, פון טהעארעטישער נאכלעסיגקייט אדער אבגעשטאנענהייט, די עקאנאמישע סבות. מיר נעהמען א קאנקרעטען פאל, דעם רוסישען אנטיסעמיטיזמוס: וועט ער פאלען מיט דעם רע־זשים אדער ניט? געוויס ניט. פערקעהרט, נאך דעם פאלען פון יעצטיגען רעזשים, ווען דיא שווארצע כחות וועלען אנטרייבען זייער אנטי־סימעטיזם בלויז אויף דעם עקאנאמישען באדען, וועלען זיי געוויס געווינען נייע טהיילען פון דער בעפעלקערונג, וואס זיינען יעצט געגען אנ־טיסעמיטיזם ווייל זיי זיינען געגען דער יעצטי־גער רעגיערונג און ממילא געגען דעם אנטיסי־מיטיזם, וואס זיא דיא יעצטיגע רעגיערונג אונ־טערשטיצט. קורץ, איז שוין דא צרות, וואס מען קען זיי ניט פטר'ן מיט דעם פאלען פון רעזשים. אונזער פריינד קריטיקער שפרעכט אפ אלע עין-הרע'ס מיט דעם איינעם שפרוך. און דערצעהלט אונז; „דיא פאליטישע אונטערדרי־קונג ווירקט אויף דער אידישער עמיגראציע." אבער ווער לייקענט עס דען? מיר פרעגען אבער פאר וואס האט דיא אונטערדריקונג געווירקט מייסטענס אויף דיא אידען? מען האט דאך דיא רוסען אויך אונטערדריקט, — אמת, ניט אזוי פיעל וויא דיא אידען — דיא אנדערע פעל־קערשאפטען אויך, איז דאך דיא פראגע ווארום האבען דיא רוסען א פאלק קרוב 80 מיליאן ניט צוגעשטעלט לכל הפחות אזוי פיעל עמיגראנ־טען וויא אידען? איז אפשר דאפיר ווייל דיא

ערשטע האָט דיא אונטערדריקונג ניט געקענט ארויסרייסען פון פּלאַץ, ווייל דיא עקאָנאָמישע פּאָזיציע האלט זיי פעסט, ניט אזוי ביי דיא אידען, וואָס האָבען אין לאַנד קיין פעסטען מקור חיונה ניט? א גוטער בעווייז פיר אונזער בעהויפּטונג ליפערט אונז אויך עסטרייך און אונגאַרן, דאָרטען זיינען דיא אידען שוין 40 יאָהר פּאָליטיש עמאַנסיפּירט, און דאָך עמיגרי־רען זיי רעלאַטיוו פיעל מעהר וויא דיא אונגארן. וואָס איז דיא סבה? יעקב מילך האלט דיזעלבע טאַבליצע אין האנד, און „זעהט ניט דעם עלע־פאַנט", ווייל במחילות כבודו, נעמט ער אלעס זעהר און זעהר אויבערפלעכליך.

נאָכדעם ברענגט ער אביסעל ציפער צו בע־ווייזען, אז דיא אידען פּראָלעטאַריזירען זיך יא, נור תוך כדי דבור ווערען מיר געוואָהר, דאָס צווישען זאָגענאַנטע אידישע ארבייטער איז פערהאַנען 22 טויזענד שניידער, נאָך מיט א צוגאָב, דאָס הייסט אונזערע בעקאַנטע „סוועט־טינג־סיסטעם אָפּערייטאָרס," אונזער קריטיקער דענקט אבער, אז „דיא ס. ט. וועלען ערשט דאַר־פען בעווייזען, אז שניידעריי איז ניט א טהייל פון דער גרויס קאַפּיט. אינדוסטריע."

וויא מיר דוכט וועט אונזער קריטיקער, נאָך א ביסעל איבערלייגונג, אונז מוחל זיין דיא ארבייט עס צו בעווייזען, ווארים געשיקט זיך, אז יעקב מילך וועלכער ווייס אביסעל ווייר־טער אונז צו דערצעהלען וויא עס טרעפט זיך, אז ביי דער אזוי אָנגערופענער כלומרשט'דיגער „גרויס אינדוסטריע" זאָל א „באָס" און א זעלבסטשטענדיגער אונטערנעהמער, מאַכען א ויברח מיט דיא אָרעמע פּאָאר דאָלאר" זאָל אליין טענה'ן, אז שניידעריי איז גרויס אינדוסטריע? מיר לאָזען דאָס אלזא, אונבעוויעזען.

וואָס אנבעלאַנגט אָבער זיינע טענות וועגען סטאַטיסטיק בכלל, קען זיין, אז זיינע טענות זיינען גערעכטע; מעגליך, אז אויך פריינד בודין האָט רעכט, נור צום ענין האָט דאָס לייר־דער ניט צוטהון. און אומזיסט האָט ער זיך אזוי פיעל פארשפּרייט איבער דעם. מיר האָבען מיט דער סטאַטיסטיק געהאַנדעלט ריכטיג. געהאַנ־דעלט וויא אלע טהעאָרעטיקער האַנדלען.

מיט זיינע טענות געגען אונזער סטאַטיס־טיק דערמאָהנט אונז אונזער פריינד, זאָל ער אונז מוחל זיין, — אין יענער אידענע אין שלום עליכם'ס טעפּעל: איינמאָהל האָב איך ניט גע־ליהען קיין טעפּיל א. ז. וו. דאָסזעלבע מיט אונ־זער פריינד, איינמאָל, בעווייזען דיא ציפערן גאָר ניט, צווייטענס בעווייזען דיא ציפערן געגען אונז און דריטענס בענוצען מיר זיך מיט דיא ציפערען ניט ריכטיג. נון פיעל אָפּשטעלען זיך אויף דיא ציפערן ערלויבט דער פּלאַץ ניט.

מיר וועלען נור ברייגנגען איין בעוואוסטע צי־טאַטע פון בונדיסט פרומקין אין „וואָסכאָד"*) נאָכדעם וויא ער ברענגט א טאַבעלע אין וואָס פיר א „אינדוסטריען" דער אידישער פּראָלע־טאַריאַט איז בעשעפטיגט, בעמערקט: „שוין ביים ערשטען בליק אויף דער טאַבעלע ווארפט זיך אין דיא אויגען דאָס וואָס אויף דער ערשטער מדרגה פון דער טאַבעלע שטע־הען דיא פּראָדוקטען פון העגטשיקעס, בערש־טעריי, שוועבעלעך, טאַבאַק, זייף א. ז. וו. און איז אין זיי פערנומען דער גרעסטער פּראָצענט אידען, יעדער ווייס גאַנץ גוט, וואָס פיר א איבלער ריח, און וואָס פיר א שמוץ עס הערשט אין דיא לעדער און העגטשקעס זאוואָדען, וואָס פיר א שטויב עס ערצייגט דאָס בעארבייטען פון בארשטען א. ז. וו. אין דיא אלע עהנליכקיי־טען פאַלען אויס אויף דעם חלק פון דעם אידישען ארבייטער א. ז. וו. בעזאָנדערס שטאַרק בע־מערקט זיך דאָס פאַלען פון באטהייליגונגס פּראָ־צענט פון דיא ארבייטער און דיא פּראָדוקציאָנען, וואָס ארבייטען אויס פּראָדוקציאָנס מיטלען אי אין צפון מעריב'דיגער געגענד און אין דעם צענטער פון דער אידישער פאַבריק און זאוואָדען אינדוסטריע". דיא ציטאַטע געשריעבען פון אונזער'ן א געגנער בעווייזט געגנוג.

ווייטער, יעקב מילך מיינט, אז מיר זיינען אין איינע צרות, ווארום עס איז ניטאָ קיין נאַציאָנאַל אידישער קאַפּיטאַל — דאָס ווייזט ווייטער וויא שלעכט ער האָט אויפגעפאַסט אונ־זער טהעאָריע. מיט נאַציאָנאַל ווירטהשאַפט מיי־נען מיר ניט דיא צוגעהעריגקייט פון קאַפּיטאַל צור בעשטימטער נאַציאָן, דען מעג דער קאַפּיטאַל אין רוסלאַנד צב"ש בעלאַנגען צו אויסלענדער, בלייבט דיא ווירטשאַפט דאָך א רוסישע, ווייל דיא טעריטאָריע אנגעהערט דיא רוסען, און זיי קענען נאָך אלעמען קאָנטראָלירען, און בעשטי־מען איבער זייער ווירטשאַפט. וויא קאַוטסקי וויל האָבען, איז דאָס וואָס דער קאַפּיטאַל אין רוסלאַנד איז אויסלענדישער, נאָך א מעלה פיר דיא רוסישע ארבייטער. מיט איין וואָרט, נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט מיינט אין לעצטען חשבון א טעריטאָריע, מעהר ניט. וואָס אנבע־לאַנגט דיא ניט־זיין־בעשעפטיגט פון אידישע ארבייטער אין דער פאַבריק איז שוין היינט אפילו דער „בונד" מודה. פיעל רעדען לוינט זיך וועגען דעם ניט. יעצט בלויז נאָך איינינע ווערטער וועגען אונזער פּראַקטיק.

4.

דיא סאָצ. טעריט. ארבייטער פּאַרטיי אלס א סאָציאליסטישע פּאַרטיי, מיט א סאָצ.

---

*) מיר ציטירען לויט דעם „נייעס וועג".

פּראָגראַם מאַקסימום, און מינימום רעאַגירען מיר אויף יעדע לעבענ'ס ערשיינונג, און בעטייליגען זיך אין אַלעמען וואָס דערנעהנטערט דעם פּראָצעס פון אומוועלצונג פון דער היינטיגער געזעלשאַפט אין אַ סאָציאַליסטישער. אַלס אַ פּונקט אין אונזער פּראָגראַם מינימום שטעהט דער טעריטאָריאַליזם, ווייל דאָס איז אונבעדינגט נויטיג אַלס אַ מיטעל צום ענדציעל, ווייל בעטראַכטענדיג דיא אידישע ווירקליכקייט קומען מיר צו דער נויטווענדיגקייט פון טעריטאָריאַליזמוס.

מיר אָרגאַניזירען דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט אויף דעם באָדען פון אַלטעגליכען קאַמפּף און סאָציאַליזם אין אַ בעזונדערע אידישע אָרגאַניזאַציאָן, ווייל דער אידישער פּראָלעטאַריאַט האָט בעזונדערע פאָדערונגען, ווייל דער אידישער פּראָלעטאַריאַט לעבט אין אַ בעזונדערער נאַציאָן. סאָציאַלער ספּערע, דער טעריטאָריאַליזם איז אַ רעזולטאַט פון דער בעזונדערער נאַציאָנאַל־סאָציאַלער ספּערע, דער ספּעציעל אידישע געשיכטליכע ענטוויקלונג. אַזוי זעהען מיר אויך אָביעקטיווע קרעפטען וואָס וועלען דעם טעריטאָריאַליזם פערווירקליכען, איינע פון דיא הויפּט פאַקטאָרען איז דיא עמיגראַציאָן, וועלכע בכלל, אַלס סאָציאַלע ערשיינונג איז אַ קינד פון קאַפּיטאַליזם, און ווערט אָבער איבעראַל ארויסגערופען צוליעב פערשיעדענע סבות. און ווען מיר זעהען, וויא אויך אנדערע עלעמענטען פון דעם אידישען פאָלק זיינען פעראינטערעסירט אין טעריטאָריאַליזם, געהן מיר מיט זיי האַנד אין האַנד אין דיעזען פּונקט.

דאָסזעלבע טהוט דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס אַנבעלאַנגט דער אונאַבהייִנגיגקייט פון פּוילען, דאָסזעלבע טהוט דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט אין דער רוסישער רעוואָלוציאָן. וויא געזאָגט, ווערען מיר אין אונזער קאַמפּף פיר דעם סאָציאַליזם פעראינטערעסירט אין טעריטאָריאַליזם, דען מיר בעגעגענען אין אונזער קאַמפּף אַנאָמאַליען, וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פון דער טעריטאָריאַללאָזיגקייט פון אידישען פאָלק.

עס פערשטעהט זיך, אַז אין אונזער חשבון געהט אויך אריין דאָס וואָס דיא אידישע ארבייטער, אַלס אַ טהייל פון דעם אידישען פאָלק ליידעט פון בעוואוסטזיניגע רדיפות, וויא אויך פון דעם, וואָס דאָס אידישע פאָלק קענען ניט נאָרמאַל ענטוויקלען זיין נאַציאָנאַלע קולטור, דער אידישער ארבייטער, אין געזיכט פון אונזער אָרגאַניזאַציאָן, ענטפערט אויף דיא בעוואוסטזיניגע רדיפות, אַזוי שטעלען מיר ארויס צוזאַמען מיט דעם אידישען פאָלק, דאָרט וואו עס איז מעגליך, נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, און דאָרט וואו עס איז ניט מעגליך, פערנעמען מיר זיך מיט נאַציאָנאַלע טהעטיגקייט.

איך ענדיג, כאָטש מיר איז נאָך פיעל געבליעבען צו זאָגען וועגען יעקב מילך'ס קריטיק, עס איז אָבער פאר מיר אונמעגליך אויף אַ פרעמדער „טעריטאָריע“, זייענדיג דאָצו אַ „תלוי בדעת הרעדאַקטאָר.“

האָפענטליך אַז מיר וועלען זיך נאָך טרעפען אויף אַן אייגענער „טעריטאָריע.“

ליטעראטור



הייאַוואטהא

פון הענרי וואדסווארטה לאָנגפעלא.

(איבערזעצט פון ענגליש) פון יהואש.

X.

הייאַוואטהא'ס חתן'שאפט.

וויא דאַס שטריקעל איז צום בויגען,
אזוי איז דיא פרוי צום מאַנסביל,
באַטש זיא בייגט איהם, איהם געהאָרכט זיא,
באָטש זיא ציהט איהם, דאָך זיא פאָלגט איהם,
איטליך פאר זיך האָט קיין ווערטה ניט.

אַט אזוי געטראַכט אין הערצען,
האָט דער יונגער הייאַוואטהא,
פון מחשבות פיעל צורודערט;
שטיל געשמאכט, געהאָפט, געציטערט,
אלס געטרוימט פון מינעהאהא
פון דער שעהנער „לאכיג-וואסער"
וואָס אין לאַנד פון דיא דאַקאטאס.

איהם געמוסרט האָט נאַקאמיס:
„נעהם א מיידעל פון דיין שבט,
געה ניט מזרח, געה ניט מעריב
זוכען פרעמדע וואָס דו קענסט ניט.
היימיש וויא דער וויגוואם-פייער,
איז די טאָכטער פון דעם שכן,
גלאַנץ פון שטערען און לבנה,
איז דיא פרעמדע יפת תאר.

אָבגערעדט איהם האט נאַקאמיס,
דאָך געזאָגט האָט הייאַוואטהא:
„זיסע באבעניו, נאַקאמיס,
ס'ווארעמט זיס דאָס היימיש פייער,
אָבער מיר דער שיין פון שטערען,
דער לבנה - גלאַנץ איז ליעבער.

ערענסט האָט געזאָגט נאַקאמיס:
ברייננ א ווייב ניט א לאָ יוצלח
וועלכע פוסט-און-פּאסס ארומגעהט,
פיס פון בליי און הענד פון ליים האט,
ברייננ א ווייב מיט פלינקע פינגער,
הארץ און הענד צוזאמען טהעטיג,
פיס בערייט צו געהן אין שליחות.

ס'האָט געשמייכעלט הייאַוואטהא:
אין דעם לאַנד פון דיא דאַקאָטאה'ס,
וואַהנט דעם בויגענמאכערס טאָכטער,
מינעהאהא וואָס פון אלע
פרויענציממער איז דיא שענסטע;
זיא וועט קומען אין דיין וויגוואם,
טהון דיין שליחות און דיר ווערען,
פייערגלוט און שטערנ-שיממער,
זיין דאָס זוננליכט פון מיין שבט.

דאַך נאַקאמיס האָט געטענה'ט:
ברייננ קיין פרעמדע אין מיין וויגוואם,
פון דעם לאַנד פון דיא דאקאָטאהס,
גרויזאם זיינען דיא דאַקאטהאס,
צווישען אונז איז אָפט אין מלחמה,
ס'לעבען נאָך דיא אלטע שנאות,
ניט פארהיילט דיא אלטע וואונד איז.

לאכענדיג געענטפערט האָט ער:
אַט דעריבער וויל איך טאקי,
נעהמען א דאקאָטאה - מיידעל,
אונזרע שבטים צו פארבינדען,
אלטע שנאות צו פארמעקקען,
אלטע וואונדען צו פארהיילען.

דאַן אוועק איז הייאַוואטהא,
אין דאַס לאַנד פון דיא דאַקאטאהס,
אין דאָס לאַנד פון שעהנע פרויען,
שפּריזענדיג דורך זומפּ און לאָנקעס,
דורך דיא טיעפע אלטע וועלדער,
דורך דיא אונגעשטערטע שטיללקייט.

מיט דיא צויבער - שיך געמאָסטען,
האַט מיט יעדען שפּריז א מייל ער,
דאַך דער וועג איהם לאַנג געוועזן איז,
ס'איז זיין הערץ פאָראויס געלאָפען;
און ער האָט געריייזט אָהן אויפהער,
ביז ער האָט דערהערט דאָס לאכען
פונעם שטראָם פון מינעהאהא,
„זיסער קלאַנג" — געמורמעלט האָט ער —
„זיסער קלאנג, וואָס רופט מיך דאָרטען".

האלב אין ליכט און האלב אין שאטטען,
אויפען וואלד - זוים זיך געפיטטערט,
האַט א סטאדע יונגע הירשען,
אונבאמערקט פון זיי צום בויגען,
האָט געשושקעט ער: „פערפעהל ניט",
צו זיין פייל געזאָגט: „ניט בלאַנדזשע"
און זיא זינגענדיג געשיקט האט,
ער אין ס'רויטע הערץ פון הירשבאק;
דאַן געכאפּט איהם אויף דיא פּלייצעס,
און אוועקגעוואַנדערט ווייטער.

בײ דעם װיגוואם־טהיר געזעססען,
איז דער אלטער בױגען־מאכער,
אין דעם לאנד פון דיא דאקאטאהס,
און פון יאספיס־שטײן און מילכשטײן
האָט געשליפען פײלענשפּיצען.
נאַהנט פון אלטעטשקען געזעססען,
איז דיא שעהנע מינעהאהא,
איז זײן טאכטער „לאכיג־וואססער"
און האָט ראגאזשעס געפלאָכטען,
ס'האָט געטראכט דער גרײז פון עבר,
ס'מײדעל האָט געטרוימט פון צוקונפט.

ער געטראכט האָט פון דיא צײטען,
װענן ער פלעגט דעם הירש און בופפעל,
אויף דער מאַסקאָדײ, דיא לאָנקע,
שיססען — מיט אזוינע פײלען,
שיכסען װילדע גענז װאָס פלעגען,
דרום־צו מיט ליארעם פליהען.
האָט דערמאָהנט דיא קריגס־לײט װעלכע
פלעגען קױפען זײנע פײלען,
ניט געקענט אָהן זײ אין קאמפף געהן.
קײנמאָל װעט דיא װעלט אזוינע,
בראװע קריגער מעהר ניט אַנזעהן!
מענגער גלײכען איצט צו פרױען,
זײער צונג איז זײער װאפּפען.

זיא געטראכט האָט פון א יעגער,
פון אַן אנדער לאנד און שבט,
יונג און הויך און שײן װאָס פריהלינג
אײן פריה־מאָרגען איז געקוממען,
בײ איהר פאטער פײלען קױפען,
האָט זיך אַבגערוהט אין װיגוואם,
איז א צײט בײן טהיר געשטאנען,
און א סך מאָל אומגעקוקט זיך.
איהם געריהמט האָט שטארק דער פאטער,
האָט געריהמט זײן מוטה און חכמה,
װעט ער װידער קױפען פײלען,
בײ דעם שטראָם פון מינעהאהא?
אויפגעהערט איהר האנד האָט פלעכטען,
חלום'דיג געװען איהר בליק איז.

פון געדאנקען זײ געטשוכעט,
האָט א טריטט, א שארך פון צװײגען,
פּלוצלונג פון דעם װאלד באװיזען,
זיך פאר זײ האָט הײאװאטהא,
מיט א גליהענדיגען פּנים,
מיט דעם הירש אויף זײנע פּלײצעס.

ערענסט האָט זײן בליק דער אלטער,
פון דער ארבײט אויפגעהױבען,
האָט זײן פײל געלאָזט אין מיטטען,
און זיך שטעללענדיג געזאָגט איהם:
זײ געגריסט אונז הײאװאטהא.

פון זײן פּלײצע, הײאװאטהא,
האָט דעם הירש אראָבגענומען,
און אװעקגעלײגט זײן משא,
צו דיא פיס פון „לאכיג־װאססער".
פון איהר ראגאזשע דאָס מײדעל,
אויפגעבליקט מיט מילדען בליק האָט
און געזאָגט מיט װײכער שטיממע:
זײ געגריסט אונז, הײאװאטהא.

ס'איז געװען געראם דער װיגוואם,
אויסגעציערט מיט װײססע הירש־הױט,
און דיא פאַרהאנגען באפארבען,
מיט דיא געטטער פונעם שבט,
אזוי הויך דיא טהיר אז ס'האָט זיך
הײאװאטהא בײן ארײנגעהן,

קוים פארבויגען, קוים פארטשעפּעט
מיט דיא אדלער־פעדערן זײנע.

אויפגעשטאנען פון דער ערד איז,
מינעהאהא לאכיג־װאססער,
האָט אװעקגעלײגט דיא ארבײט,
שפּײז געבראכט און זײ דערלאנגט האָט,
װאססער פונעם קװאלל געבראכט זײ,
שפּײז אין ערדענע געפעססען,
און אין האָליך־כלים דאָס װאססער,
דאנן געהערט װיא ס'רעדט דער אורח
װיא דער פאטער איהרער ענטפערט,
דאָך א װאָרט ארױסגעלאָזען
האַבען ניט דיא ליפּפּען איהרע.

װיא אין חלום אײנגעהערט זיך
האָט זיא הײאװאטהא'ס װערטער,
פון דער אלטעטשקער נאקאמיס,
װאָס איהם קינדװײז האָט געניאנטשעט,
פון דיא צװײ חברים זײנע,
טשיביאבאָס, דעם מנגן,
און דעם גרױסען גבורן קװאסינד,
פון דעם גליק און מזל־ברכה,
אין דעם לאנד פון דיא אדזשיבײװײס,
איז דער פריעדליך־שטילער געגענד.

„נאַך פיעל יאַהרען פון מלחמה,
װילדע קריעג און בלוט־פארגיסונג
שלום צװישען דיא אדזשיבײװײס,
און דאקאטאהס איז געװאָרען"
האָט ער רעדענדיג דערצעהלט זײ,
לאנגזאם דאנן האָט צוגעלעגט ער:
„ס'זאל דער שלום אױביג האלטען,
ס'זאלל דער בונד נאַך פעסטער װערען,
און דיא הערצער מעהר פאראײניגט,
גיב מיר פאר א װײב דײן טאָכטער,
מינעהאהא „לאכיג־װאססער",
ס'שענסטע מײדעל פון דאקאטהא.

און דער אלטער בױגען־מאכער,
ניט געאײלט זיך האָט צו ענטפערן,
שטילל געראײכערט און מיט גדלות,
ערשט געקוקט אויף הײאװאטהא,
צערטליך דאנן באקוקט זײן טאָכטער,
און געענטפערט זעהר ערענסט:
„יא, אויב מינעהאהא װיל עס;
זאַג דײן רצון, מינעהאהא.

און דיא שעהנע לאכיג־װאססער,
האָט נאָך שענער אויסגעזעהן דאנן,
װעגענדיג דיא דעה איהרע,
טרעטענדיג צו הײאװאטהא'ן,
זעצענדיג זיך בײ דער האנד איהם,
זאגענדיג איהם, רױט פון בושה:
װיא דו געהסט, מײן מאן, װעל איך געהן.

האָט אזוי גע'שדכנט האָט זיך,
הײאװאטהא צו זײן כלה
און געװאונען זיך דיא טאָכטער,
פון דעם אלטען בױגען־מאכער,
אין דעם לאנד פון דיא דאקאטאהס.

און אװעק פון װיגוואם איז ער,
פיהרענדיג זײן מינעהאהא,
לאזענדיג באטריבט דעם אלטען,
שטעהן אללײן בײם װיגוואם־אײנגאנג,
האנד אין האנד געגאנגען זײנען
זײ דורך װעלדער און דורך לאָנקעס
און געהערט װיא זײ פון הינטען

מינעהאהאס וואססער־פאלען,
רופען, שרייען פון דער ווייטען:
„גטה לשלום" — מינעהאהא.

ווידער האָט דער בויגענמאכער,
אומגעקעהרט זיך צו זיין ארבייט,
און ביין זונן־באשטראהלטען איינגאנג
זיצענדיג, צו זיך געמורמעלט:
„ס'לאזען איבער אונז די טעכטער,
וואָס מיר ליעבען, וואָס אונז ליעבען,
ווענן זיי קענען אונז א הילף זיין;
ווענן די זקנה לעהנט אויף זיי זיך,
קוממט א יונג מיט שטאָלצע פעדערן,
מיט א פלייט פון ראהר, א פרעמדער,
וואנדערט פייפענדיג דורך ס'דאָרפעל,
גיט א וואונק צום שענסטען מיידעל,
און זיא געהט אוואו ער פיהרט זיא,
ווארפט אלסדינג צוליעב א פרעמדען.

אנגענעהם געווען די רייזע
איז א היים, דורך טיעפע וועלדער
איבער לאַנקעס, איבער טייכען,
איבער בערג און פעלזען גריבער,
קורץ איהם האָט דער וועג, געדאכט זיך
כאטש געווייזט, זיי האָבען לאנגזאם,
כאטש ער האָט זיין טריט, פארקלענערט,
צו די טריטט פון מינעהאהא'ן.

איבער ווילדע שטראָמען האָט ער,
איז די ארעמס זיא געטראָגען,
גרינג געטראַגען וויא א פעדער,
וויא די פעדער פון זיין ציערונג.
האט איז וואלד אוועקגערייניגט,
אבגעבייגט פון וועג די צווייגען,
יעדע נאכט געמאכט א צווייג־צעלט,
און א בעטט פון לינדען־ריטטער,
און א פייער אַנגעצונדען,
ביי דער טהיר פון סאכנע־שישקעס.

אנגענעהמע ווינטען האָבען,
זיי באגלייט דורך וואלד און לאָנקע,
אלע שטערען פלעגען וואכען,
ביי דער נאכט אויף זייער שלוממער,
פון איהר לויער־פלאטץ אין דעמב־בוים

האט די וועווערקע, ציעקאוונע,
איינגעקוקט זיך אויף דאָס פּאָרעל,
און דער קראליק דערוואבאכסא,
איז פון וועג אוועקגעשפרונגען,
דאז אויף זיינע הינטער־פיסלעך,
זיצענדיג האָט פון זיין גריבעל,
נייגעריג באקוקט דאָס פּאָרעל.
שעהן געוועזען איז די רייזע,
פייגלאך האָבען זיסס געזונגען,
פונעם גליק, פון הערץ־מנוחה,
ס'בלויע פייגעלע אָוויסכא,
האט געזונגען: הייאוואטהא
גליקליך ביסטו וואָס אזעלכע,
איז דייז פרוי און דיך וועט ליעבען,
ס'רויטע - העלזעלע אָפּיטשי,
האט געזונגען: מינעהאהא
גליקליך ביסטו וואָס אזעלכען,
האסטו פאר א מאנן גענוממען.

זוי מיט ליעבשאפט דורך די צווייגען,
האָט די זונן באקוקט פון היממעל
און געזאַגט: אָ, קינדער מיינע,
ליעבע איז ליכט, און האסס איז שאטטען
לעבען איז אי ליכט אי שאטטען,
הערש מיט ליעבע, הייאוואטהא.

די לבנה אַנגעפילט האָט,
זייער צעלט מיט וואונדער־שימער
און געזאַגט: אָ, קינדער מיינע
טאג איז ווילד און נאכט איז רוהיג,
שטארק דער מאן איז, שוואך די פרוי איז,
האלב איז מיינס, כאָטש איך געה נאָך בלויז,
מיט געדולד הערש, מינעהאהא.

אט אזוי איז צוגעגאנגען,
זייער וואנדערן א היים צו,
און געבראכט האָט הייאוואטהא
אין דאָס ביידעל פון נאקאמיס,
פייער־גלוט און שטערען־שיממער,
זוננשיין פאר זיין גאנצען שבט,
מינעהאהא, לאכיג־וואססער,
וואָס די שענסטע איז געוועזען,
אין דעם לאנד פון די דאקאטאהס,
אין דעם לאנד פון שעהנע פרויען.

דריי ווידוי'ס

סקיצע פון שוועדישען שרייבער

י. אונגעוויטטער.

עס איז געווען א קאלטע רעגענ־דיגע ווינטער־נאכט. דריי פריינד, דער קאָנסול, דער ריכ־טער און דער דאָקטאָר, זיינען געזעסען לעבען קאכעל־הרובע ביים אויסגעברענטען פייער און פער'חלום'ט געקוקט אויף דיא רויט־גליהענדע קוילען. א צייט לאנג האָבען זיי געשוויגען, אָבער ענדליך האָט דער קאָנסול אזוי וויא אויפגע־כאפּט זיך פון זיינע געדאנקען, און געזאָגט:

— איך בין איבערצייגט, אז יעדער מענש, וואָס פאר א צדיק ער זאָל ניט זיין, האָט עפּעס א פלעק אויף דער נשמה. יעדער מענש, אפילו גאָר דער חשוב'סטער, טראָגט ביי זיך אין האר־צען עפּעס א מיאוסע עראינערונג, וועלכע ער היט שטענדיג אָפּ אז זיא זאָל בלייבען א סוד.

דעם קאָנסול'ס בעמערקונג האָט אויף דיא צוויי איבעריגע חברים געמאכט א שטארקען איינדרוק. און אזוי וויא דאָס איז געווען נאָך א געשמאקען מאָל־צייט און נאָך א גוטען סיגאר און דיא דריי חברים זיינען געווען אביסעל פויללעך און בעזונדערס אויפגעלייגט צו הערען מעשות, איז ביי זיי געבליבען אז יעדער איינער פון זיי זאָל דערציילען דיא שווארצעסטע פּאַ־סירונג פון זיין לעבען, דיא מיאוס'טע זאך וואָס ער האָט אמאָהל אָפּגעטהאָן. נאָר בתנאי, אז יע־דער זאָל דערציילען דעם ריינעם אמת, און אז אלץ זאָל בלייבען בסוד.

דער ערשטער האָט אָנגעהויבען דער קאָנ־סול. ער האָט אזוי דערציילט:

מיט עטליכע יאָהר צוריק האָב איך געפּראַ־וועט א גרויסען מאָל־צייט. ניט עפּעס אזוי א הוליאנקעלע ווי יונגע סטודענטען מאכען זיך אמאָהל, נאָר טאקע א געהויבענעם מאָל־צייט. דיא געסט זיינען געווען מיינע פערהייראטהע פריינד מיט זייערע ווייבער. איך האָב אָנגעזאָגט מיין עקאָנאָמקע אז זיא זאָל אלץ צוגרייטען אזוי רייך און שעהן וויא עס וועט נאָר זיין מעג־ליך. נאָר ניט געזשאלעוועט. יעדע זאך זאָל זיין פון ערשטען סאָרט, טאקע פון דיא אנטיקען. איין זאך נאָר: עס זאָל זיך ניט ארויסזעהן קיין צולאָזענקייט. איך האָב געהייסען ארויפברייג־גען פון קעלער מיינע טהייערסטע ווײנען. דער טיש איז געווען געדעקט מיט'ן טהייערסטען סא־מעט, אָנגעשטעלט מיט דיא פונקעלנדסטע קריס־טאלענע גלעזער און באציערט מיט א ים בלומען.

מיינע געסט זיינען געווען זעהר צופריע־דען, דער עיקר דיא פרויען. גאָר אָנגעקוואָלען האָבען זיי פון דער געקליבענער קאָמפּאַניע, וואו עס איז געווען דורכאויס יונגע בלוט. ביים טיש זיינען געזעסען נאָר פריליכע, וויציגע יונגע לייט און שעהנע פרויען. דערצו נאָך האָב איך זיי אויסגעזעצט אזוי, אז יעדער איינער איז גע־ווען לעבען דער וואָס איז איהם אם מעהר־סטען צום הארצען. אלע האָבען זיך געפיהלט אויסגעצייכענט גוט; וואָס ווייטער איז דער גע־שפּרעך געוואָרען אלץ העכער. דער וויין האָט גע־פינקעלט אין דיא גלעזער: דיא בעקלעך פון דיא פרויען האָבען אָנגעהויבען צו ווערען רויטלאך און זייערע אויגען האָבען געבליסצעט. מיט איין וואָרט, עס איז געווען גרויסארטיג. עס איז גע־ווען א לעבען וויא אין גן עדן.

פלוצלונג האָט זיך אין פאָדער־צימער דער־הערט א קלונג. גוט נאָך וואָס א חוץ מיר האָט דער קלונג צו קיינעם ניט דערגרייכט. מיר איז דער עסק זעהר ניט געפעלען. איך האָב פון אלע מאָהל פיינט געהאט געשטערט צו ווערען ביים טיש, בפרט נאָך ווען ביי מיר זיינען געווען געסט.

אין א ווײלע ארום איז צו מיר צוגעקומען מיין דיענער און האָט מיר איינגערוימט אז עפּעס א פרעמדער מאן וויל מיר עפּעס זאָגען. איך פרעג ביים דיענער, ווער דאָס איז? ווייס ער אליין ניט. ער ווייס נאָר אז דער פרעמדער קוקט אויס צו זיין זעהר אָרעם. שיק איך ארויס דעם דיענער ער זאָל זיך ערקונדיגען וויא דער מאן הייסט און וואָס פאר אן עסק האָט ער עס צו מיר. און דער דיענער קעהרט זיך באלד אום צוריק און בריינגט מיר א נאמען, וועלכער איז מיר פאַר־געקומען קענטליך. און וועגען דעם עסק וואָס ער האָט צו מיר, האָט דער מאן אָנגעזאָגט, אז ער מוז דאָס מיר אליין איבערגעבען.

פערפאלען. האב איך זיך אויפגעהויבען פון טיש, געבעטען דיא געסט זיי זאלען מיר אויף א' ווײלע ענטשולדיגען, און בין פערדראסיג אוועק אין פאדער־צימער.

אין פאדער־צימער ביים טהיר איז געשטא־נען א מענש מיט זעהר אן ארימען אויסזעהן. דאס איז געווען א רעגענדיגע נאכט אזוי וויא איצט, און דאס וואסער האט פון איהם אין שטראמען אראפגערונען אויף דר'ערד. קיין מאנטעל האט ער ניט געהאט. זיין רעקיל איז געווען פארשפילעט ביז'ן מארדע און דער קאל־נער איז געווען אויפגעשטעלט. אבער פון דעסט־וועגען האט ער געמאכט דעם איינדרוק פון א מענשען וואס האט אמאהל געהערט צו דער „בע־סערער געזעלשאפט". און כאטש איך האב זיך ניט געקענט דערמאנען אקוראט וואו און ווען איך האב איהם באגעגנט; דאך איז ער מיר פארגעקומען בעקענט. ער איז געווען דין וויא א שטעקען און משונה בלייך. זיין אויסגעהונגער־טער פנים האט נאך אויסגעזעהען שרעקלי־כער, צוליעב זיינע טיעף אריינגעפאהרענע אויי־גען און זיין גערדיכטען־שווארצען ניט־געגאלטען בארד.

ער פערנייגט זיך פאר מיר און איך פרעג איהם וואס ער פערלאנגט.

— האט קיין פאראיבעל ניט וואס איך האב אייך געשטערט, אבער איך מוז — — אפשר וועט ביי מיר דער הערר קאנסול קויפען א פאר שטיקלעך זייף? — אדער פיעלייכט וועט איהר ביי מיר נעהמען א פאאר בלייפע־דערס ?

און ער האט פון אונטערן ארים ארויסגענו־מען א פאפירענע קעסטעלע, זיא אויפגעפענט און געהאלטען מיר אנטקעגען.

— ניין, א דאנק, — האב איך געענטפערט. — עס ליגט ביי מיר אנגעגרייט גענוג אי זייף, אי בלייפעדערס.

— פארן הערר קאנסול איז עס דאך אזא קלייניגקייט מיר געבען צו לייזען א פאר קרא־נען, וועדליג פאר מיר — —

— איהר הערט דאך וואס מען רעדט צו אייך, איך דארף קיין זאך ניט. אגב האב איך איצט ניט קיין צייט.

— דאך, הערר קאנסול — האט דער מאן ווידער געזאגט, — און מיר האט אויסגעוויזען אזוי וויא עס וואלט איהם עפעס געווארגען אין האלז — אזוי וויא ער וואלט ארונטערגע־שלונגען א געוויין.

— נו, געהט דאך — האב איך איהם אונ־געדולדיג אבגעהאקט דיא רייד. — איהר זעהט דאך אז איך האב ניט קיין צייט.

און איך האב געעפענט דיא זאאל־טהיר. דיא ווייכע, ווארעמע עלעקטרישע ליכטיגקייט, דער פרעהליכער געלעכטער, דער לעבעדיגער גע־שפרעך און דער ריח פון דיא בלומען האבען מיר א שפאר געטהאן אנטקעגען אזוי וויא א גרויסע כוואליע. איך האב מיך אומגעקעהרט, א קוק טהאן צו דער פרעמדער איז שוין אוועק. זיין בליק האט זיך א פאר רגע'ס אריינגעריסען דורך'ן שפאלט טהיר אין זאאל און דאן האט ער איהם א פיהר געטהאן איבער מיר, און איך זאג אייך, אז כל זמן איך וועל לעבען וועל איך אט דעם בליק ניט פערגעסען אזוי פיעל יסורים, דערשלאגענהייט, ביטערקייט און פערצווייפ־לונג איז אין איהם געלעגען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער ריכטער מיט'ן דאקטאר האבען זיך צולאכט.

— סך הכל? איז דאס דער גאנצער פער־ברעכען? עט, אויך מיר א פערברעכען! א שנא־רער האט ביי דיר געבעטען א נדבה, און דו האסט איהם ניט געגעבען. ווארום וואס דען איז געווען יענער פרעמדער אז ניט א שנארער? גע־הערט אן עסק, אזא זאך טרעפט דאך מיר און יעדען איינעם יעדען טאג. און ווער קען זיך זיי דאס אלעמען אנגעבען! — היינט, ווער וויים דאס ניט, אז פיעלע געהען בעטלען נאר דערפאר וואס זיי פוילען זיך צו ארבייטען? — עט, גע־פונען פון וואס צו האבען געוויסענסביסע!

* * *

— — איצט איז מיין רייהע — האט דער ריכטער געזאגט. איך אבער וועל זיך מתודה זיין אין א פיעל ערגערער זינד.

דאס איז געווען דעם לעצטען זמן וואס איך בין געגאנגען אין אוניווערסיטעט. איך האב מיך דאמאלס געפונען אין א מיאוסער לאגע. עס איז ביי מיר געווען ערב חתונה. מיין צוקונפ־טיגע באשערטע איז געווען א קנאפע יפת תואר. איך האב זיא ניט געקענט אנזעהן — דערפאר אבער איז זיא געווען זעהר רייך. און איך האב ניט געהאט ניט קיין געלד, ניט קיין צו־קונפט. — — א רייכער שידוך איז אלזא געווען מיין איינציגע רעטונג, און איך האב ניט גע־טארט איבערקלעהרען.

אבער — איך האב זייט דיא לעצטע פאר יאהר פון מיין געהן אין אוניווערסיטעט געלעבט צוזאמען מיט א יונגער מיידעל. איך האב זיא דאס טאקע פערפיהרט אויך. זיא האט פערלא־זען איהרע עלטערן, אלין געאפפערט אבי מיט מיר אין איינעם זיין. זיא איז געווען דיא גוטס־קייט אליין, ניט קיין נאר, זיס און איידעל, א הארעפאסנע, אן עהרליך קינד. מיך פלעגט זיא פשוט פערגעטערן און איז מיר געווען געטריי

וויא אַ הונד. איך האָב שוין מיט איהר געהאַט אַ קינד.

פערשטעהט זיך אַז פאַר דער צייט וואָס מיר האָבען געלעבט צוזאַמען האָט זיא קיין גרויס נחת ניט געזעהען. מיין פאַטער, וועלכער האָט בעקומען אַ קליינע געהאַלט, פלעגט מיר בלויז צושיקען הונדערט־פינף־און־צוואַנציג קראָנען אַ מאָנאַט. און דערפון און פון מיין געליעבטער'ס פערדיענסטען פון נעהען האַלז־טיכער פאַר אַ גאַלאַנטעריי מאַגאַזין, האָבען מיר געצויגען אונזער גאַנצע חיונה. האָבען מיר טאַקי געלעבט אין היבשע דחקות. פון פערגעניגענס איז דאָך שוין אָבגערעדט. אָבער זיא האָט זיך קיינמאָהל ניט בעקלאָגט. פערקעהרט, זיא פלעגט מיר אַלע מאָהל צייגען אַ פריילּיכען, צופריעדענעם פנים. זי איז געווען זעהר אויסגערעכענט. יעדען מאָל ווען עפּעס אַן אומעט פלעגט מיך נעהמען דריקען, האָט זיא קלוג און איידעל געטהיילט מיט מיר מיין צער. ווען איך פלעג מיך פיהלען דערשלאָגען, פלעגט זי מיר צוריק אומקעהרען מיין מוטה, און איך פלעג ווידער נעהמען קוקען פריילּיך אויף דער וועלט. איהר טרייהייט און ליעבשאַפט צו מיר האָט זיך אַרויסגעזעהען פון יעטווידער טהאַט איהרער, פון איהר גאַנצען לעבען. איך האָב געזעהען בחוש, אַז איך בין געווען איהר לעבען, — —

— הכלל, נו? — איז דער קאָנסול געוואָרן אונגעדולדיג.

ווען עס איז געקומען דיא צייט וואָס איך האָב געדאַרפט פאָהרען אַהיים, האָב איך גענומען און פערלאָזען זיא... אַפילו ניט געזעגענט זיך מיט איהר, איהר אַפילו אַ וואָרט ניט געזאָגט וועגען דעם. מעהר האָב איך שוין פון איהר ניט געהערט, זיך וועגען איהר לחלוטין ניט געקימערט. — —

* * *

אַ ווײַלע האָבען דיא דריי חברים געשוויגען, אָבער באַלד האָט זיך דער געשפּרעך ווידער אָנגעהויבען. דיא איבריגע צוויי חברים האָבען אויף דעם ריכטער מלמד זכות געווען. אַזעלכע זאַכען טרעפען זיך זעהר אָפט, איבערהויפּט נאָך ביי סטודענטען. עט, אַלץ אַלטע מעשיות. איבערהויפּט פאַלט דורך אַזאַ מין געשיכטע דער פלעק גאָר ניט אויפען מאַן נאָר אויף דער פרוי. אַ מיידעל וואָס לאָזט זיך פערפיהרען מעג זיך ריכטען אַפריהער אַז זיא וועט דורך דעם אָנווערען דיא משפחה, דיא היים. היינט אַז איהר אַרט ניט, טאָ וואָס זאָל דאָס דעם מאַן אַרען? עס איז כ'לעבען ניטאָ פון וואָס צו האָבען האַרץ־קלעמעניש. מען האָט חתונה, דיא פרוי שלאָגט דיא געליעבטע אַרויס פון קאָפּ, און יוצא.

— נו, און איצט האַלטען מיר ביים דאָקטאָר. ער האָט הפנים טאַקע אין אמת'ן געמוזט בעגעהן אַ שווערען פערברעכען. ניט אומזיסט בייטען זיך איהם אַלע קאָלירען.

— אויב מיין פערברעכען איז זעהר גרויס, אין דעם בין איך ניט גאָר זיכער. מיין געוויסען האָט שוין מיך וועגען דעם לאַנג אויפגעהערט צו פלאַגען. אָבער אַמאָל האָט מיך מיין „שוואַרצער פלעק" זעהר געטאָטשעט. מילא, אָט וועט איהר עס הערען.

* * *

— מיין פאַטער איז געווען אַ קליינער רעגיערונגס־בעאַמטער. ווען ער איז געשטאָרבען בין איך נאָך געווען אַ קליין קינד. אַ חוץ מיך האָט ער דער מוטער נאָך איבערגעלאָזט מעבעל אויף דריי צימערן און אַ קליינע פענסיע, וועלכע האָט קוים געקלעקט אויף אונז אויסצוהאַלטען. ווייטער גאָרנישט. שפּעטער אַז איך בין אונטערגעוואַקסען און שוין אָנגעהויבען געהן אין דער שוהל, און האָב שוין בעדאַרפט בעסערע קליידער און ביכער איז מיין מוטער'ס לאַגע געוואָרען נאָך געדריקטער. אָבער מיין מוטער האָט זיך צוגעשלאָגען צו עפּעס אַ צייטונג און האָט פון דאָרטען אַרויסגעקראָגען עפּעס אַרבייט, און לעבענדיג זעהר עקאָנאָמיש און מיט אַ טאָלק פלעגט זיא אויסמערקירען אַז עס זאָל אונז כמעט גאָר ניט פעהלען.

איך האָב מיין מוטער פערגעטערט, וואָרים איך האָב גאַנץ גוט פערשטאַנען וועלכע צרות זיא מוז אויסשטעהען מיך צו האָדעווען, שוכען און קליידען. איך האָב געפיהלט מיין פליכט צו איהר און האָב זיך געסטאַרעט עס כאָטש פיעל ווינציג צו בעצאָהלען דערמיט וואָס איך פלעג לערנען מיט התמדה, פלעג זיך אויפפיהרען אין שוהל שטיל און פיין און גאַנץ אָפט פלעג איך זיצען און קלעהרען, וויא אַזוי וואָלט איך געקענט מיין מאַמען עפּעס העלפען פערדיענען.

איך האָב געענדיגט דעם גימנאַזיום און האָב געדענקט אָנצוקומען אין אוניווערזיטעט, וועלכער איז געווען אין אַן אַנדער שטאָדט. אָבער דאָ האָט זיך מיר געשטעלט דיא פראַגע: פון וואָס וועל איך דאָרטען לעבען אין דער אוניווערסיטעט־שטאָדט? נאָר דאָ איז מיר דער דירעקטאָר פון גימנאַזיום געקומען צו הילף און מיר רעקאָמענדירט אַ שטעלע ביי אַ רייכען גוטס־בעזיצער צו לערנען מיט זיינע קינדער איבער דיא זומער־מאָנאַטען. איך האָב דאָרט געדאַרפט לערנען מיט פיער אינגלעך. דערפאַר האָב איך זיך געמוזט שיידען מיט מיין מוטער און איך האָב זעהר געבענקט נאָך דער מוטער. דאָס איז געווען דער ערשטער מאָהל אויף

מיין לעבען וואס איך האב זיך מיט איהר צושיידעט און ציטענווייז פלעגט מיין אר־מעט ווערען אזוי גרויס, אז איך פלעג זיך מיט גרויס גבורה איינהאלטען און ניט נעהמען אין מיטען דערינען און אנטלויפען א היים. מיר איז ביים באראן אויפ'ן גוט געווען גאר ניט שלעכט. די מענשען זיינען צו מיר געווען פריינד־ליך, קעסט איז געווען דיא בעסטע, און דער הויף מיט'ן געגענד ארום זיינען געווען מחיה שעהן. קורץ גערעדט, עס וואלט דארט גאר ניט געפעהלט. א חוץ קעסט, האב איך געזאלט קריגען 200 קראנען, און דאס וואלט שוין פאר מיר גע־ווען אן אנפאנג אום צו קענען יעסין־צייט אנ־קומען אין אוניווערסיטעט.

מיינע בעל הבתים, דער באראן און זיין פרוי, זיינען געווען זעהר אנגעזעהענע מענשען. זיי האבען געהאט א סך פריינד אין דער געגענד און אפט פלעגען זיי האבען געסט פון שטאק־האלם. אלע מאנטאג און דאנערשטאג פלעגען ביי זיי זיין געסט און מען פלעגט מאכען א גאנץ פיינעם קערטעל און גוט פארברענגען.

איין מאהל אין מיטען רעכטען זומער — דאס איז געווען דעם זיעבעצעהנטען יולי. דעם טאג וועל איך קיין מאהל ניט פערגעסען — האט דער באראן ווידער געפראוועט א גרויסען מאל־צייט פאר זיינע געסט. עס האט געמוזט זעהר זיין געהויבענע אנבייסענס. נאך'ן עסען איז געווארען א גוט רעגען, און דער עולם איז גע־ווען צופריעדען מיט דער געלעגענהייט וואס מען קען זיך גאנץ פיין מאכען א קערטעל. מען האט געשפיעלט אין וויסט, ווירא און עקארטע—פון קיין פאוקער האט מען נאך דאן ניט געוואוסט. עס האט געמוזט זיין זעהר א געהויבענער טאג, ווארים דער באראן האט בעזונדערס אנגעזאגט די דיענער זהיר והזהר אז עס זאל חלילה קיין זאך ניט פעהלען. דאס רוב געסט זיינען געווען מאנס־בילען. און חברה האט זיך געהאלטען גאנץ פריי. כמעט ווייא ווילדע.

איך בין ארומגעגאנגען פון איין טיש צום אנדערען, זיך צוגעקוקט צום שפיעל און געלערנט הלכות קארטען, ביז דאן האב איך אין דעם קיין ידיעה ניט געהאט.

ווייא איך בין אזוי געשטאנען לעבען א טיש און מיט גרויס חשק זיך איינגעקוקט אין שפיעל איז צו מיר צוגעגאנגען א דיענער און מיר דערלאנגט א בריעף פון דער מוטער. איך בין גלייך אוועק צו מיר אין צימער און איהם דורכגעלייענט. דער בריעף האט מיר געבראכט זעהר א טרויעריגע בשורה. מיין מוטער איז שוין זייט א מאנאט געווען קראנק, זיא האט אבער ביז איצט ניט געהאט דעם מוטה מיך דער־פון צו לאזען וויסען. זיא האט פאר דיא גאנצע צייט גאר ניט פערדיענט, דעם בעל הבית פון וואהנונג קומט פאר א חודש דירה־געלד און ער לאזט איהר ניט רוהען. זיא האט ניט קיין שום האפנונג ערגעץ וואו צו קריגען געלד, און דארי־בער בעט זיא איך זאל נעהמען ביים באראן הונדערט קראנען א פריהער און איהר דאס צו־שיקען. נאר דיא ביטערסטע פערצווייפלונג האט איהר געטריבען זיך צו ווענדען בענוצען מיט דיא געלד וועלכע איך האב אזוי נויטיג געדארפט האבען פארן אוניווערסיטעט. זיא האט מיך דערפאר טויזענד מאהל מחילה גע־בעטען און צוגעזאגט אז ווען זיא וועט זיך פאפראווען וועט זיא זיך אנטהאן צוויי מאהל אזוי פיעל כחות ווייא פריהער און מיר צוריק אבשיקען דאס געלד.

מיך האט שטארק פערקוועטשט דיא הארץ און איך האב זיך זעהר פערזארגט וועגען דער מוטער'ס ביטערע לאגע. און אבוואהל עס איז מיר ניט גאר געשמאק געווען צו בעטען ביים באראן געלד א פריהער, פון דעסטוועגען האב איך בעשלאסען אז גלייך מארגען, ווען דיא געסט וועלען זיך צופאהרען, וועל איך ביי איהם נעהמען דאס געלד און נאך מיט דער ערשטער פאסט עס אפשיקען קיין שטאקהאלם.

פאסענדיג דיזען בעשלוס האב איך זיך אביסעל בערוהיגט, און איך בין מיר צוריק אראפ אונטען צו דיא געסט אום אביסעל צו פערטרייבען מיינע אומעטיגע רעיונות. ביי איין טיש, וואו א מאיאר מיט א רייכען סוחר האבען געשפיעלט גאר אויף א גרויסער פוס, איז איבערהויפט צוגעגאנגען זעהר לעבעדיג. פיעלע געסט האבען זיך ארומגעשטעלט און צו־געקוקט דעם ווילדען שפיעל. דער סוחר — „פוטטע“ איז געווען זיין צונעמענים — איז אין דעם געגענד געווען זעהר גוט בעקאנט. דאס איז געווען א פארברענטער קארטען־שפיעלער, און ער האט געקענט אפזיצען ביים קארטען־טיש גאנצע נעכט. און ווייא אויסגעמאטערט און צוקראכען ער פלעגט ניט זיין נאך אזא וואך־נאכט, דאך אז מען פלעגט איהם נאר דערמאנ־נען דעםווארט „קעניג“, אזוי פלעגט ער באלד פערגעסען אויף זיין צושרויפטקייט און זיך כאפ־פען פאר'ן טעשעל קארטען.

יענעם אבענד איז „פוטטע“ געווען נאך מעהר מזל'דיג איידער אימער. מען האט גע־שפיעלט אין פופציג קראנען א קאן. אויף פוטטע'ס ברעג טיש איז שוין געלעגען א גאנצע הורבע מיט אסיגנאציעס צו פופציג און צו הונ־דערט קראנען. דער קאן איז געווען זעהר א פערדרייטער, און עס איז זעהר שווער געווען צו זאגען א פריהער ווער עס וועט געווינען. פיעלע מענשען האבען זיך ארומגעקליבען ארום

ביידע שפּיעלער, און איך — איך ווייס אַליין ניט וויא דאָס איז געשעהן — האָב זיך באַלד אויך צוגעשפּאַרט אַרום פּוטטע'ן. פּלוצלונג, ווען אַלעמענס פּעראינטעסירטקייט איז געווען אַם העכסטען און אַלע אויגען זיינען געווען אָנגעשטעלט אויף דיא קאָרטען, האָב איך דער־זעהען וויא איינער פון דיא געסט האָט צופעליג אַראָפּגעשאַרט מיט זיין אַרבעל אַ הונדערט־קראָנען פון פּוטטע'ס הורבע געלד אויף דער ערד. דיא בלוט איז אין מיר אויפגעלאָפען, א ווילדער באַגעהר האָט מיך פּלוצלונג אָנגעכאַפּט און איך האָב אַרויפגעטראָטען אויף דער אַסיג־נאַציע מיט'ן פוס.

קיינער האָט דאָס ניט בעמערקט. — דער געדאַנק וועגען מיין מוטער האָט מיין פוס גע־האַלטען צוגעשמידט צום אָרט. — אָט אין דער פּאַפּיערעל ליגט דאָך מיין רעטונג און הילף און — וואָס בעטרעפט ביי פּוטטע'ן הונדערט קראָנען? ער וועט זיך אַפילו גאָר ניט כאַפּען ער ווייס דען וויפיעל ער האָט געוואונען? — דאָס אַלץ האָט זיך וויא אַ בליץ דורכגעטראָגען דורך מיין זיעבעצעהן־יעהריגען מוח.

דערנאָך האָב איך אָבגעוואַרט אַ מאָמענט ווען קיינער וואָלט מיך אין גאָרנישט פערדעכ־טיגט און איך האָב זיך איינגעבויגען און אַריינ־געלייגט דיא אַסיגנאַציע צו מיר אין קעשענע. אויף מאָרגען האָב איך זיא אַוועקגעשיקט דער מאַמען.

* * *

א טויטע, פּראָסטיגע שטילקייט האָט גע־הערשט אין שטוב ווען דער דאָקטאָר האָט זיין געשיכטע געענדיגט. דעם מאָל האָבען דיא איבריגע צוויי חברים דעם דריטען ניט גע־פּרופט גרינגער מאַכען אויפ'ן הארצען. דער ריכטער מיט דעם קאָנסול האָבען באַלד גענומען ריידען מכח אַנדערע זאַכען גלייך וויא דער דאָקטאָר וואָלט זיי גאָר ניט דערציילט. זיי האָ־בען אויסגעמיטען מיט איהם צו ריידען, און ער איז געבליבען זיצען פאַר זיך מיט אַ האַלב־אויפגעעפענטען מויל און מיט אונרוהיגע בלי־קען. א ווייַלע זיינען זיי נאָך געזעסען, דערנאָך האָבען זיי אַ קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער און גע־זאָגט אַז זיי איז שוין צייט צו געהן אַ היים.

ווען זיי האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייע־רע פּלעצער און זיך צוזעגענט האָט דער דאָק־טאָר געפּיהלט אַן דעם האַנד־דרוק פון זיינע ביידע פריינד אַז ער האָט שוין ביי זיי אַלעס פערלאָרען.

אויגען.

זאָג מיר: וואָס איז פאַר אַ כישוף,
וועלכער ליגט אין דיינע אויגען ?
וואָס מיט קייטען וויא מיט שווערע
האָט צו דיך מיר צוגעצויגען ?

מיט דיא גרויסע שיינע אויגען,
טיעפע אויגען אָהן אַ שיעור,
קוקסטו אַן מיר פריינדליך, ליעבליך —
גאָט, וואָס טהוט זיך דאָן מיט מיר !

טויזענד גרויסע, הייסע זוננען,
דאַכט מיר, קוקען טיעף אריין,
מיר אין הארצען, אין נשמה,
גיסען וואַרעמקייט און שיין.

און מיין הארץ, זיא גליהט און פלאַקערט,
און זיא געהט מיר, דאַכט זיך, אויס,
פון פיעל גלוטהענדע געפיהלען,
פון מיין ליעבע טיעף און גרויס, —

וויא דער גרויסער ים, דער טיעפער,
וועלכער רוישט און שלאָגט אין מיר ; —
פון פיעל ביינקעניש און ליעבע
זיסע, טרייע קינד, צו דיר !

דר. א. ש. שווארץ.

זשורנאַליסטישע עראינערונגען

פון מאָררים ווינטשעווסקי.

3.

דער „הקול“ — מיין אנטי־רעליגיעזער פאנאטיזמוס — וויא איך בין מקבל פנים דעם „הקול“— מיכאל לוי ראָדקינסזאָהן — צוויי אנעקדאָטען.

מיט דעם „הקול“, דיא צייטונג, וועלכע האָט, וויא מען וועט זעהען, געשפּיעלט אַ גרויסע ראָללע אין לעבען, בין איך בעקאַנט געוואָרען נאָך איידער איך בין אָנגעקומען אין קעניגסבערג.

דאָס איז געווען אין קאָוונא און אויך אין סענדער פּאָרט'ס הויז. אימיצער האָט אַהיינגעבראַכט דעם ערסטען נומער פון יענע צייטונג און דיא נעקסטע עטליכע טעג האָב איך כמעט פון קיין אַנדער זאַך ניט גערעט. דיא יונגע לייט און יונגע „דאַמען“, גימנאַזיסטען און גימנאַזיסטקעס, וועלכע האָבען אַביסעלע פון מיר געהאַלטען — ווער צוליעב מיין טיעף־ראַסייסקען אַקצענט, ווער צוליעב מיינע סאַטירישע קופּלעטען (אין רוסיש, רבותי!), ווער צוליעב מיינע העברעאישע געדרוקטע און ניט געדרוקטע שירים — האָבען דאַמאָלס, ווען דער „הקול“ איז אין אונזער קרייזעל ערשיענען, ערנסט אָנגעהויבען מורא צו האָבען, אַז איך בין ניט ביים זינען. אַזוי אויפגערעגט בין איך געווען שעהנע עטליכע טעג — נאָך אַנאַנד.

אום דעם עסק קלאָר צו מאַכען וועל איך מיר ערלויבען דאָ אַריינצו'גנב'ענען נאָך אַ שטיקעלע פון מיין לעבענס־געשיכטע, וועלכע האָט נאָר אַן אינדירעקטע שייכות מיט דיעזע זשורנאַליסטישע עראינערונגען.

מאַקאָליי זאָגט ערגעץ־וואו וועגען דעם דיכטער שעללי, זיין לאַנדסמאַן, אַז דער אַטהעאיזמוס איז ביי איהם געוואָרען אַ רעליגיאָן. ביי מיר, און ניט ביי מיר אַליין, אין יענע צייטען, איז דער ניט־גלויבען און דער האַס צו יעדער אמונה דערגאַנגען צו דער העכסטער מדרגה פון פאַנאַטיזמוס. עס פלעגט מיר זיין שווער פאַרבייצוגעהן אַ בית־מדרש, ניט קריצענדיג מיט דיא ציינער פאַר כעס, קוים פלעג איך דערהערען דעם קול פון מענשען, וואָס דאַווענען, אָדער לערנען אַ בלאַט גמרא. מיין גרעסטער פערגניגען איז בעשטאַנען דאַרין, צו בעווייזען אַז משה האָט ניט געשריבען דיא תורה, אַז יהושע האָט ניט אָוועקגעשטעלט דיא זון מיט דיא לבנה, אַז דוד איז ניט געווען קיין פיינער מאַן און זיין זוהן שלמה ניט אימער אַ חכם; צו געפינען פגימות אין דער תורה, אַ פאַלשען חשבון אין דעם סדר הדורות און טויזענד אַנדערע חסרונות און פאַלשקייטען אין דער ביבעל, ניט האָבענדיג געהערט ניט פון ראָבערט אינגערסאָל, דעם אַמעריקאַנער, ניט פון טשאַרלז ברעדלוי דעם ענגלענדער, ניט פון זשאַהן מעסליע, דעם פראַנצויז און אַנדערע אַזעלכע פּראָפעסיאָנעללע אַפּיקורסים. עוזרקע ליאַכאָווסקי, דער סטויבצער כופר בעיקר, יאָסעל פּריים, דער „מופקר“ פון ראָסיין, און אונזער אייגענער סענדער פּאָרט זיינען געווען דיא איינציגע קעמפּפער געגען דיא אמונה, וועלכע זיינען מיר געווען בעקאַנט, ד. ה. דיא וויכטיגסטע, פון דיא, וועלכע דער קעלמער מגיד און אַללע ווייבער פלעגען שילטען מיט טויטע קללות.

אַרום יענע צייט האָב איך אויפגעשריבען אַ גרויסען אפּיקורסישען שיר, וועלכער האָט געהייסען „על ד' ועל משיחו“ (אויף גאָט און זיין געזאַלבטען) און האָט געהאַט פאַר אַ מאָטטאָ: מלכותא דרקיע כעין מלכותא דארעא, (דיא רעגיערונג פון'ם הימעל איז וויא דיא וואָס אויף דער ערד). דיא גרונד־אידעע איז בעשטאַנען אין דעם, אַז דער אויבערשטער איז אַ שומר פתאים (אַ היטער פון נאַרען) וועלכע ער בעדאַרף אום אויפצוהאַלטען דיא אמונה אין איהם פּונקט אַזוי וויא דער קיסר בעדאַרף זיי צו דעמזעלבען צוועק.

דיעזעס געדיכט, וועלכעס איך האָב, געדענק איך, געווידמעט דעם אַלטען פּאָרט, קריעגענדיג פון איהם אַ קוש מיט דעם קאָמפּלימענט: „איי, דו שייגעץ איינער!“ איז געווען אַזוי דורך און דורך טריף, סאיי פון גאָט'ס שטאַנדפּונקט, סאיי פון דעם קיסר'ס, אַז איך האָב נאַטירליך ניט געהאָפט אַז דאָס וועט ווען עס איז געדרוקט ווערן.

איך וואָללט געקענט דערצעהלען נאָך עטליכע כאַראַקטעריסטישע קליינינקייטען, אָבער גענוג איז געזאָגט געוואָרען צו געבען דעם לעזער

א בעגריף פון דעם אנטי־רעליגיעזען פאנאטיז־מוס פון יענע צייט, הגם אין דעם דאָזיגען גע־דיכט האָט ער שוין אָנגענומען א פּאָליטישען כאראקטער.

דאָס איז אָבער ניט אַלעס. ביי מיר און מיינע גייסטיגע חברים איז געווען נאָך א מין פאנאטיזמוס, ניט ווייניגער שטארק, געגען יעדע היפּאָקריטסטווא, אונטער אַלע אומשטענדען. דאָס צו מאכען קלאָר וועט גענוג זיין צו זאָגען, אז איך, למשל, האָב רעספּעקטירט ר' יצחק אלחנן, דעם קאָוונער רב און פון הארצען פער־אכטעט שטיינבערג דעם קאזיאָנעם רב. דעם פרומאק וואָלטען מיר אויסגעבראכט פון דער וועלט ווען עס וואָלט איהם ניט וועה געטאָן, דעם היפּאָקריט, דאגעגען, וואָלטען מיר לכל הפחות וועה געטאָן ווען מען וואָלט איהם ניט געקענט אויסברענגען פון דער וועלט.

ועל כולם האָט ליעבערמאַן'ס מאניפעסט נאָר וואָס געהאט דערקאָנטשעט דיא ארבייט, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען אין אָריאל מיט טשערנישעווסקי'ס „שטאָ דיעלאט“ און אנדערע אזעלכע שריפטען.

בקיצור, איך בין געווען א דאָפּעלט־פאנא־טישער, אנטי־רעליגיעזער, אנטי־היפּאָקריטישער געפּיהלס־סאָציאליסט (א היגער מבין וויל האָבען אז דאָס בין איך, זינדיגער מענש, געבליעבען עד היום) בשעת איך האָב געקראָגען צו זעהן דעם קעניגסבערגער „הקול“ אין קאָוונא.

און וואָס זאָל איך אייך זאָגען? איך בין שיער ניט פון דער הויט ארויסגעשפּרונגען.

דיא צייטונג האָט אין זיך געהאט אַלין וואָס מיר איז געווען פּראָטיוונע אין אַלע אנדערע צייטונגען: זיא איז געווען א געדרוקטער צבוע'ק אין פיער זייטען, ניט אזוי גוט געשריע־בען וויא דער „המליץ“, ניט אזוי אייראָפּעאיש וויא דער „המגיד“, היפּאָקריטישער וויא דער „הלבנון“.

איך האָב עס גלייך פערדאַמט מיט קללות והרמות און מיט גרויס געפּאַהר פאר דיא אָרימע, פּיעל־געקריצטע ציינער.

און — ווער וואָלט דאָס געגלויבט? — א יאָהר שפּעטער בין איך געווען א פאָרדערסטער ראָד אין דעם „הקול'ס“ וואָגען, צוויי יאָהר שפּע־טער א קרבן אויף זיין מזבח (הגם ניט פון זיינט וועגען) און נאָך שפּעטער א פערמריעבענער פון דער־היים צוליעב דערזעלבער צייטונג.

עס איז זעהר לייכט מעגליך אז ווען ניט מיכאל לוי ראָדקינסזאָהן, איהר רעדאקטאָר, וועלכער איז פאָריגעס יאָהר געשטאָרבען דאָ אין אמעריקא, וואָלט איך אליין קיינמאָל דיעזע געבענשטע מדינה ניט געזעהן.

* * *

מיכאל לוי ראָדקינסזאָהן! וואָס איז דאָס געווען פאר א פּערזאָן?

שטעללט זיך פאָר א מאַן, וועלכער הויבט אָן זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט מיט א ספר, וואָס בעזינגט דעם בעל־שם־טוב, מיט'ן חסידיז־מוס, מיט אַלע נסים ונפלאות פון דיעזע אידישע סעקטאנטען; ווערט שפּעטער א צייטונגס־ארויסגעבער, וועלכער געהט דורך אַלע פּאָליטי־שע ריכטונגען פון דיא שוואַרצעסטע רעאקציאָן ביז'ן פּורפּור־רויטען סאָציאַליזמוס; נעהמט זיך דאַן צו דער גמרא און איבערזעצט אויף ענגליש דעם תלמוד.

נאָך מעהר: ער איז אין אמת'ן ניט קיין חסיד בשעת ער בעשרייבט דיא שבחים פון'ם בעש"ט, ער איז שפּעטער ניט קיין סאָציאַליסט, אלס רעדאקטאָר, און האָט קיין שום ענטהוזיאַז־מוס ניט פאר'ן תלמוד, ווען ער ווערט זיין אי־בערזעצער.

נון איז פיעללייכט אי דאָס אי יענעס נאָך פערשטענדליך. מיר האָבען געזעהן היפּאָקרי־טען, וועלכע האָבען געטראָגען אין זייער לעבען אַללערליי מאסקעס, אויסטוענדיג איין פנים און ארויפשלעפּענדיג אנאנדער'ן, נאָך דער עבודה־זרה נאָך וועלכע זיי האָבען געדיענט.

אָבער חוץ וואָס ראָדקינסזאָהן איז אויף קיין פאַלל ניט געווען קיין היפּאָקריט אין דעם געוועהנליכען זין פון דעם וואָרט, — חוץ דעם איז מיט זיין גאנצע קאַריערע פערבונדען אנאנ־דער מערקווירדיגע ערשיינונג.

ראָדקינסזאָהן האָט זיך נעמליך געגומען צום בעל־שם־טוב, צום סאָציאַליזמוס און צום תלמוד, ניט האָבענדיג דיא נייטיגע קענטניסע אין דעם חסידיזמוס; ניט פערשטעהענדיג (אין אָנהויב) מיט וואָס מען עסט ניט נור סאָציאַליז־מוס, נור אפילו צייטונג־שרייבעריי; ניט האָ־בענדיג גענוג שפּראַכקענטנים אין ענגליש אום אויפצושרייבען א בריעף און דאַך צו איבערזע־צען — טאַקע איבערזעצען, ניט נור אזא זאַך בלויז אונטערנעהמען — דעם תלמוד אויף ענג־ליש!

א וואונדערבארע רעטענים, ניין? איז דאָס אָבער נאָך ניט אַלעס.

ראָדקינסזאָהן האָט זיין גאנצען לעבען לאַנג זיך געראַנגעלט מיט נויט און מיט געלד־מאנגעל. א רייכער מאַן קען זיך בעגעהן אָהן פּרינציפּען, אָהן קענטניסע, אָהן ענטהוזיאזמוס פאר זיינע אונטערנעהמונגען. אָבער אַן אָרע־מאַן?

וויא איהר זעהט איז דאָס א פּערזענליכ־קייט, מיט וועלכע עס לוינט אביסעלע נעהנ־טער בעקאַנט צו ווערען.

* * *

ווען איהר וועט וועגען איהם רעדען מיט ערגיץ אַ אידישען (לשון־קדש'דיגען) מחבר, וועט דיעזער פריהער פאַר אַלץ אָבלייקענען אַז דער מאַן האָט עטוואָס אויפגעטאָן. ווען איהר וועט אָבער דעם דאָזיגען מחבר אַריינקריגען אין אַ ווינקעלע, איהם ווייזענדיג ראָדקינסזאָהן'ס פערשיעדענע חבורים, זיינע צייטונגען און זיין ענגלישען תלמוד — וועט ער אייך ענטפערן: עה, דאָס איז געווען פשוט אַ שאַרלאַטאַן, וואָס האָט ענטוועדער געגנב'עט, אָדער אויסגענוצט פרעמדע אַרבייט און אַזוי ווייטער.

„נו, רב קרוב, וועט איהר איהם ענדליך זאָגען, לאָמיר צוגעבען אַז איהר זייט גערעכט, גלויבט איהר אָבער אַז יעדער אידיאָט קען דורך הוילע שאַרלאַטאַנסטוואָ ווערען אַ מחבר, אַ צייטונג שרייבער און אַ איבערזעצער? דאַרף מען דאָך נאָך אַללע מעשות קענען?"

„און נאָך־וואָס. דענקט איהר אַז־אַזאַ פעהיגער שאַרלאַטאַן, אויב איהר זייט מודה אַז פעהיג איז ער געווען, האָט ניט געקענט מאַכען פיעל מעהר געלד זיך נעהמענדיג צו אַנדערע זאַכען וויא ליטעראַטור?"

אייער רב־קרוב וועט דאָ בלייבען אָהן ווערטער.

הייסט עס, בלייבט אַ קשיא?

אָה, ניין! דאָס לאָזט זיך לייכט פערענטפערן און קלאָר מאַכען. טאָמער גיט זיך מיר דאָס ניט אין גאַנצען איין, וועט דאָס זיין איינפאַך דערפאַר ווייל אָנשטאָט אַ טהייל פון אַ קורצען קאַפּיטעל וואָלט מען דעם מאַן געדאַרפט געבען שעהנע עטליכע לאַנגע אַרטיקלען, וואָס פאַר אַ מיינונג מען זאָל פון איהם ניט האָבען.

דיא אויפגאַבע איז אַ שווערע, אָבער איך וועל טאָן מיין בעסטעס.

לאָמיר פריהער בעטראַכטען זיינע מעלות און חסרונות איינציגווייז און דאַן זעהן צו געבען זיין בילד אין גאַנצען.

צו יענער צייט — אין דיא זיעבציגער יאָהרען פון דעם פערגאַנגענעם יאָהר־הונדערט — זיינען געווען צווייערליי סאָרטען אידישע מחברים: דיא אַלטע און דיא יונגע, דיא שנאָרערס און דיא אידעאַליסטען, דיא תלמידים פון דיא צוויי ראַבינער־שולען (אין ווילנא און זשיטאָמיר) און דיא וואָס איך וואָלט רופען: דיא משכילים־נאַראָדניקעס.

דיא ערסטע זיינען כמעט אַלע געווען מעהר אָדער וועניגער היפּאָקריטען. דיא ווילנער ראַבינער־שול (פון דיא זשיטאָמירער ווייס איך אַזוי גוט וויא גאָר נישט, אָבער זיא איז וואַהרשיינליך געווען יענע'ס אַ לייבליכע שוועסטער) האָט ניט געקענט זיין קיין אַנדער זאַך, וויא אַן אַקאַדעמיע פון צבוע'צטוואָ, פון מאָראַלישע פערדאָרבענהייט און פון סיסטעמאַטישען בעטרוג לגבי גאָט און לייטען. אין דיעזער אינסטיטוציע, וויא אין מאַמע־רבקה'ס לייב, האָבען זיך געשטויסען עשו און יעקב, קאַריערע און רעליגיאָן, פיזישע געאָגראַפיע און מעשי בראשית, אפּיקורסות אין אַ טלית־קטן, און אידעשקייט איבערזעצט אויף רוסיש.

דיא אידישע מחברים, וועלכע האָבען זיך דאָרטען געהאָדעוועט אָדער געעלטערט, אַלס שילער אָדער לעהרער, זיינען געווען אַזוי זיכער צבוע'קעס וויא תלמוד־תורה קינדער זיינען אונציכטיג — וועניגסטען געווען.

איך וויל ניט אויסרעכענען קיין נעמען, אָבער אין דעם פּרט פון היפּאָקריטסטוואָ, קענט איהר ניט אָנרופען ניט איין עלטערן העברעאישען מחבר, וועלכער זאָל האָבען אַ רעכט צו פעררייסען דעם נאָז געגען ראָדקינסזאָהנען.

דיא אינגערע שרייבער, ניט דוקא אינגער אין יאָהרען, אָבער דיא וואָס האָבען, נאָך זייערע אידעען נאָך, געהערט צום אינגערן דור, זיינען געווען ריינע אידעאַליסטען, מייסטענס מענשען וואָס האָבען געמאַכט אַ לעבען פון בוכהאַלטעריי, לעהרעריי און מעדיצין, שרייבענדיג פאַר זייער אידעאַל „על מנת שלא לקבל פרס".

ראָדקינסזאָהן האָט געהערט צום עלטערן דור, אָבער, וויא איך האָב שוין געגעבען צו פערשטעהן, איז ער ניט געווען אַ היפּאָקריט וויא דיא אַנדערע.

איז ער געווען ערליך? אין אַ געוויסען זין יאָ. ער האָט ניט פערכאַפּט קיין געלד, האָט, אַזוי וויט וויא איך ווייס, קיינעם ניט בעטראָגען, האָט בעצאָהלט וואָס ער איז געווען שולדיג — ווען דיא נויט האָט ניט געשטערט.

ער איז אָבער געווען אַן עקספּלואַטאַטאָר, אַ מענש וואָס האָט פון אַלץ און פון אַלעמען געצויגען אַ נוצען, וואָס האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָבגעשטעלט און איז ניט געווען קיין גרויסער בעל־מפונק, ווען דיא מיטלען צו זיין צוועק זיינען געווען אַזעלכע, וואָס אַנדערן וואָלט פון זיי ניט גוט געוואָרען. דערביי איז ער אָבער ניט געווען קיין פּראָסטער געלד־מענש, ניט קיין האַבון, און אויב ער האָט מענשען עקספּלואַטירט, איז דאָס געווען ווייל אָהן דעם וואָלט ער ניט געקענט אויספיהרען זיינע פּלענער און אונטערנעהמונגען.

אַלס שרייבער (פון ספרים חצונים, אַלס מאָדערנער שרייבער) האָט ער ניט נור ניט געהאַט קיין סיסטעמאַטישע שולבילדונג, נור אויך ניט קיין שום ידיעה פון קיין שפּראַך מעהר אָדער וועניגער גרינדליך און מיט מעהר אָדער וועניגער גראַמאַטיק, — אפילו ניט העברעאיש. נאַטירליך איז דער ניט האָבען קיין סיסטעמאַ־

טישע — ווילנער ראבינער — שול־בילדונג געוועזן גיכער א מעלה וויא א חסרון, אבער וועהרענד א רב האט געקענט שרייבען תורה אהן דקדוק, איז דאס געווען א גרויסער חסרון ביי א מאדערנעם ליטעראט.

אבער אויב איהם האט געפעהלט גראמאטיק, האט איהם ניט געפעהלט ניט קיין גוטער קאפּ און ניט קיין ענערגיע.

און איצט, ווען איהר ווייסט וועגען איהם אללע דיעזע מעלות און חסרונות דארפט איהר זיך לייכט קענען פארשטעללען דעם גאנצען מאן.

דאס, קלעהרט איהר, האט געמוזט זיין א זעהר ענערגישער, פייהיגער, אמביציעזער מענש, וואס אויף פראסט אידיש (נוסח אמעריקא) וואללט איהר רופען א האסטלער, א קאפּ־מענש, א מאן וואס וויל דערגרייכען צו א הויכע מדרגה. פון דער אנדערער זייט דארפט איהר איצט פאר זיך קענען זעהן א מאן וואס שפרייזט פארווערטס איבער געפאללענע מענשען, איבער פלאנקענס, איבער רינעס, זיך פערפלושקענדיג מיט שמוץ, זיך און אנאנדערן אבשלאגענדיג אין זיין איילענעס, אבי פארווערטס, אבי וואס נעהנטער צום ציעל, צום ציעל!

איהר פערשטעהט, אז דאס איז געווען א מאן, וועלכען עס האט וועניג־וואס אויסגעמאכט צו איהם האט אונטערגעפיהרט אויף זיין שווערען, זאמדיגען וועג, דורכ'ן לעבען, צו דיא נעקסטע סטאנציע, דער ווילנער גאון אויף זיין אלטמאדישען וועגעלע, מיט משיח בן־דוד'ס אייזעלע, איינגעשפאנט אין איהם, אדער עס האט איהם אונטערגעפיהרט קארל מארקס אין אליהו הנביא'ס פייערדיגע קארעטע, שטרעבענדיג הויך און העכער... דאס האט איהם פונקט אזוי וועניג אויסגעמאכט וויא דיא פראגע צו ער וועט זאט ווערן אויף א ציוויליזירטען אופן, וויסענשאפטליך־גאסטראנאמיש, על פי חוקי פאריז, אדער זיך שטאפענדיג מיט רעטאך און צימעס, אדער מיט איינגעמארינירטע הערינג אויף א פאדקלאדקע פון הייסע לאקשען־קוגעל, פון וועלכע עס געהט נאך א פארע.

איהר זעהט פאר זיך א מאן, וועלכער קיממערט זיך אזוי וועניג וועגען ארדנונג און עסטעטיק, וויא ארום ווייסע ציינער און א פעדאנטיש־מעטהאדיש־געזעצליך אויסגעשלייפטע האלזבינדע. אויב איהר קענט פערשטעהן אנארכיע אלס א סיסטעם, פרינציפענלאזיגקייט אלס א פרינציפּ און „פרעגט־מיך־בחרם“ אלס א ליטערארישע מעטהאדע און איהר קענט זיך דערביי אויף פארשטעללען אן אייזערנעם וויללען, וועלכער קען, זעהט און עררייכט, ווייל ער נייטהיגט זיך ניט אין געוועהנליכע בעלי־בתּישע כוחות, אויגען און לייטערס, ווייל זיין וויללען איז גובר אלץ, דאן האט איהר פאר זיך — אפשר ניט גאנץ קלאר, אבער דאך — מיכאל לוי ראדקינסזאהן.

* * *

מיין שייכות מיט איהם וועט בעשריעבען ווערן אין דעם נעכסטען קאפּיטעל. צו פערפאלשטענדיגען זיין בילד וועל איך דא גלייך דערצעהלען אויך וועגען איהם א פּאאר אנעקדאטען.

דער „הקול“ האט נור דאן געקענט עקזיסטירען ווען אין דער רעדאקציע איז געזעסען א כמעט ניט־בעצאהלטער אונטער־רעדאקטאר, וועהרענד דער שעף־רעדאקטאר איז ארומגעפאהרען אין רוסלאנד קלייבען אבאנענטען.

הערר ראדקינסזאהן בעדארף אזא אונטער־רעדאקטאר, און זיין וואונדערבארער נאז דערשמעקט אונזער (סאציאליסטישען) קרוזשאק אין קעניגסבערג.

ער טרעפט א סטודענט מיט'ן נאמען גארמיזע און א געוויסען ראבינאוויטש. זיי שלאגט ער פאר דיא גדולה פון רעדאקטערסטווא.

„אבער וואס פאר א טענדענץ וועט אייער צייטונג האבען?“ ווילען זיי וויסען.

— „טענדענץ? ענטפערט ער, גאר קיין טענדענץ ניט“. — ער האט דאס נאטירליך ניט געמיינט: צו יענער צייט האט ער גאר פשוט נאך ניט פערשטאנען דעם טייטש פון דעם ווארט טענדענץ.

מען האט איהם ערקלערט, אז דערמיט מיינט מען: וואס פאר א ריכטונג דיא צייטונג וועט האבען, וואס איהר פאליטיק וועט זיין.

„אה, אזוי! רופט ער אויס, — מיין צייטונג שרייבט געגען דעם ניגיליזמוס!“

האט מען איהם געענטפערט לא מיט אן אלף.

— „איהר האט ניט אנגעקלאפט אין דיא ריכטיגע טיר“, — ערקלערט מען איהם.

הערר ראדקינסזאהן ווערט ענג אין מוח. וואס טוט מען דא? יונגע מאנטשיקעס זיינען דאס פיינע, ארום וואס זיי טראכטען איז ניט מטבעות, זאנדערן טענדענצען, אבער...

ער געהט ארום עטליכע מאל הין און צוריק אינ'ם צימער, מיט דער לינקער האנד קאלופענדיג דעם שטערן און שטעללט זיך פלוצלונג אב.

„הייסט עס, זאגט ער צו מיינע חברים, געגען ניגיליזמוס ווילט איהר ניט שרייבען, הא?“

— „אה, ניין!! ענטפערן זיי מיט א שלשלת אויף דעם „ניין“.

„ניין?“ פרעגט ער איבער, פערטראכט זיך און זאגט דאן: „זעהר גוט. טו שרייבט־זשע פ א ר'ן ניגיליזמוס“.

און דער משא־מתן איז געשלאסען געווארען אויפ'ן שטעלל.

דאָס ווערט אָנגערופען פּרינציפּיעגלאָזיג־קייט אַלס פּרינציפּ. און דאָ האָט איהר נאָך אַן אַנעקדאָט, וועלכער ווייזט זיין קראַפט:

ווען ער איז געווען אין דערהיים פלעגט ער דיא „פּאָליטיק" שרייבען אַליין. דערצו האָט מען געדאַרפט לעזען ציימונגען און דיא רוסישע פלעגען אַנקומען ניט רעגעלמעסיג און צו־שפּעט.

איין טאָג זעה איך וויא ער זיצט ביי דיא קעניגסבערגער „הארטונגשע צייטונג" מיט אַן אָנגעהויבענעם פּאָליטיק־ארטיקעל אויפ׳ן טיש — פאַר זיך.

וויסענדיג אַז ער קען ניט קיין טייטש (דאָס הייסט דאַן, שפּעטער האָט ער געקענט) פרעג איך איהם, וויא אַזוי ער פערשטעהט וואָס ער לעזט.

— „וואָס הייסט, וויא אַזוי? ענטפערט ער — איך דערטאַפּ: וואָס איך דערזעה ניט, דער־טאַפּ איך, מיט דיא פינגער דערטאַפּ איך."

און דאָס איז געווען אמת, ער פלעגט דער־טאַפּען.

* * *

איין בורא אין הימעל ווייס וויא ווייט מיינע עראינערונגען וועלען מיך אויף דעם אופן פערפיהרען, אָבער דאָס וואָס קומט וואָלט גע־ווען אונפערשטענדליך אָהן אַ שטיקעלע בילד פון דעם מערקווירדיגען מאַן, וועלכער האָט אונז — ליליענבלומען, יהלל׳ען, שערעשעווסקי׳ן, דעם דר. קאַמינער, ראַבינאָוויטשען און מיר — גע־געבען דיא מעגליכקייט פּאַרטצוזעצען ליעבער־מאַן׳ס ארבייט, וויא דאָס וועט געשילדערט ווערן אין דעם קומעדיגען ארטיקעל.

„גענאָסע" בן־נץ האָט דאָס וואָרט!

ביימעלאך . . . .

ביימעלאך שטייען ביים פענסטער אין הויף,
ביים פענסטער אין הויף, ביים פענסטער אין הויף,
זיי רוישען פערחמורעט, פערחמורעט און וויין,
פערחמורעט און וויין, פערחמורעט און וויין.
אַ ביימעלאך זאָגט מיר: וואָס איז אייך דערמעהר?
וואָס בליקט איהר פער׳חשוך׳ט, פער׳הושך׳ט און שווער?
וואָס קנייטשט איהר זיך אויף, וואָס בייגט איהר זיך איין?
אַזוי וויא אין וויסטען, אין עלענדען פיין? . . .

„וויא עלענד מיר זיינען, מיר זיינען אצינד,
מיר זיינען אצינד, מיר זיינען אצינד. —
וואָס ווילל ער, וואָס ווילל ער, דער ווילדער, דער ווינד
דער ווילדער, דער ווינד, דער ווילדער, דער ווינד?
מיר זיינען געוואַקסען דאָ רוהיג און שטילל
און שאַטענס פערצויגען אי פריש אי קיהל.
עס האָבען אויף אונז קיינע סאָוועס געוואָהנט,
נור פייגעלאך האָבען אונז שטענדיג בעשעהנט,
יעצט זעהען מיר איים וויא צובראָכען און בלינד. —
וואָס ווילל ער דער ווינד, דער גזלן, דער ווינד?" . . .

צעגרענדיג שלעפּען זיך וואָלקענס אַליין,
וואָלקענס אַליין, וואָלקענס אַליין.
וויא איבערגעפילט מיט גרויען־געוויין,
מיט גרויען־געוויין, מיט גרויען־געוויין,
זיי קוקען מיר דאַכט זיך מיט רחמים אַראָפּ

אויף ד׳בוימלאך וואָס שטייען געבייגען דעם קאָפּ: —
ביימעלאך, וואו איז אייער פרישקייט און פראכט,
דיא בלעטלאך וואָס האָבען געשמייכעלט, געלאכט?...

— —

— —

א ביימעלע קראכט...

„מיר זיינען געוואקסען א מאָהל אין א וואלד,
א מאָהל אין א וואלד, א מאָהל אין א וואלד.
עס האָבען דאָרט מחנות פון פייגלען געשאלט,
לוסטיג געשאלט, לוסטיג געשאלט,
נון האָט מען גענומען אונז יונגענקערהייט,
יונגענקערהייט, יונגענקערהייט,
פון אונזערע שוועסטער און ברידער צושיידט,
צוריסען, צושיידט, צוריסען, צושיידט —
נון האָט מען אונז ווילד מיט דיא וואָרצלען פון דאָרט,
געבראכט אָט אויף דיעזען פערטרויערטען אָרט.
נור מיר האָבען געוואקסען אי רוהיג, אי שטילל
אין זומער דיא מענשען געפּאָכעט און קיהל
צו יעדערען איינעם געשמייכעלט, געלאכט,
צו יעדערען איינעם געצייגט אונזער פראכט. —
נון איז ער געקומען דער מערדער, דער ווינד,
דער מערדער, דער ווינד, דער מערדער, דער ווינד,
ערמאָרדעט דאָס יונגסטע, דאָס צערטליכסטע קינד,
דאָס צערטליכסטע קינד, דאָס צערטליכסטע קינד.
מיר וויללען נאָך לעבען... וואָס וויל ער דער ווינד.
וויא שלעכט איז צו שטארבען, צו שטארבען אצינד...

— —

— —

דיא וואָלקענדלאך קוקען מיט רחמים אראָפּ
און שאָקלען דעם קאָפּ, און שאָקלען דעם קאָפּ...

יואל סלאָנים.

ריקארדאס רענטע־טהעאריע

פון א. ש. זאקס.

אויסער דער קלאס קאפיטאליסטען און דער קלאס ארבייטער, פון וועלכע מיר האָבען גערעדט אין פאָריגען קאפיטעל, איז פאראן נאָך א קלאס, וועלכער טהוט שוין אליין גאָר ניט, נעהמט ניט קיין שום אנטהייל אין דער פראָדוקציאָן און בעקומט פון דעסט וועגען א געזונדען חלק פון דיא געשאפענע פראָדוקטען. — דיזער אוכל ואינו עושה'דיגער קלאסס — איז דער קלאס גרונד־בעזיצער, אָדער לענדלאָרדס.

אזוי וויא די שכירות איז די הכנסה פון ארבייטער־קלאס, דער ריוח — פון די קאפיטאליסטען, אזוי איז דיא ר ע נ ט ע (דאס, וואָס ווערט געצאָהלט פאר'ן בענוטצען זיך מיט דער ערד, מיט'ן באָדען) די הכנסה פון דיא גרונד־בעזיצער.

פון וואנעט בעקומען די גרונד־בעזיצער זייער הכנסה, זייער רענטע? ווי מיר האָבען געזאָגט אין פאָריגען ארטיקעל, ווערען די פראָדוקטען, וועלכע זיינען בעשאפען בלויז דורך דעם ארבייטערס הארעוואניע, צוטהיילט נור צווישען די ארבייטער און קאפיטאליסטען. דיא לענדלאָרדס קענען אפילו ניט טועם טעם זיין דערפון, טאָ, פרעגט זיך, פון וואנעט בעקומען זיי פאָרט זייער הכנסה, און וויא זייערע דיקע אָבגעגעסענע גופים וויזען, דוקא ניט קיין קליינע הכנסה? ריקארדאָ איז דאָך ניט מסכים מיט אדאם סמיט, ווי מיר האָבען געזעהען, אז די רענטע איז א חלק פון פרייז, און אז צוליעב דעם אייגענטהומרעכט ווערען דיא סחורות פערקויפט העכער פון זייער ווערטה און פון דעם ציהען די גרונד־בעזיצער זייער הכנסה. ריקארדאָ האלט זיך דאָך פעסט אָן דער מיינונג, אז דער פרייז פון דיא סחורות ווערט געבילדעט בלויז פון דער ארבייטס־קראפט, טאָ איז דאָך אין אמת'ן א הארבע קשיה: פון וועלכען גורן אדער יקב, בעקומען דיא אגראריער זייער יניקה?!

איידער מיר טרעטען צו צו אונטערזוכען די קוועלען פון וואנען דיא רענטע קומט, מוזען מיר קלעהרער און אויספיהרליכער בעשטימען, וואָס דאס איז אזוינס רענטע בכלל?

„רענטע — זאָגט ריקארדאָ — רענטע איז דער יעניגער טהייל פראָדוקטען, וואָס עס קומט אָן דעם גרונד־בעזיצער פאר דעם, וואָס מען בענוטצט זיך מיט דיא נאטירליכע, אונאבגענוצטע קרעפטען פון באָדען. אין אונזער איינפאכען לשון ווערט זי אָפטער פערמישט מיט דיא צינזען, וואָס דער קאפיטאליסט בעקומט פאר זיין קאפיטאל און מיט די ארענדע, וואָס דער פאכטער, דער ארענדאטאָר בעצאהלט דעם אייגענטהימער פון גוט. דאס איז אָבער זעהר פאלש. ווען מיר האָבען צ. ב. צוויי גלייכע חלקים ערד, מיט א גלייכען באָדען און גלייכע איבריגע נאטירליכע בעדינגונגען, און ווען אויף איין חלק ערד זיינען געבויט די נויטיגע בנינים: שטאהלען, קלייטען, ברונעמער אדער ווען איין באָדען איז געמיסטיגט, דרענירט און דער צווייטער ניט — איז זעלבסטפערשטענדליך, אז דיא ארענדע פון ערשטען חלק ערד, וועט בעטרעפען א סך מעהרער, וויא פון צווייטען. און דיא ארענדע פאר'ן ערשטען קולטיווירטען חלק געהט ניט בלויז אריין א געוויסע אָבצאהלונג פאר די נאטירליכע קרעפטען, נור אויך א געוויסע צינז, א געוויסער ריוח פאר דעם קאפיטאל, וואָס איז אריין געלעגט אין דיא געביידע און איבריגע פערבעסערונגען. ריינע רענטע איז בלויז דער שכר, דיא אבצאהלונג פאר דיא בענוטצונג פון דיא נאטירליכע קרעפטען, פאר דיא מתנות פון דער נאטור.“

„צו אונטערשיידען רענטע פון ריוח, וואָס

דער קאפיטאליסט בעקומט פאר זיין קאפיטאל, איז זעהר וויכטיג, דען עס האט זיך ארויס גע־וויעזען, אז דיא געזעצען, וועלכע רעגולירען דעם ריוח, זיינען הימעל וויט פון יענע, וועלכע רע־גולירען די רענטע. טהיילמאל, שטעהען זיי אפילו אין א עכטען ווידערשפרוך."

רענטע איז אלזא דער שכר פאר דיא בע־נוטצונג מיט דיא נאטירליכע קרעפטען. ווי קומט עס אבער, אז דוקא דער באדען גיט רענטע? פאר וואס צאהלט מען ניט א רענטע, ווען מען בענוטצט זיך מיט לופט, וואסער, ליכט און ווינ־דען, וואס זיינען אויך אזעלכע נויטיגע אנטייל־נעהמער אין דער פראדוקציאן, אזוי ווי דער בא־דען? אהן דיזע כחות פון דער נאטור וואלט אויך דעם מענשען'ס ארבייט זיין אונפרוכטבאר, אהן א שום ערפאלג ווי אהן דעם באדען. „דאס איז דאריבער—ענטפערט ריקארדא—ווייל דיא לופט און ליכט זיינען אומעטום גלייך; עס איז ניט פאראן בעסערע ליכט און ערגערע ליכט, גו־טע לופט און שלעכטע לופט פאר דיא ענינים פון פראדוקציאן. אויסער דעם זיינען דיזע קרעפ־טען פאראן לרוב, עס קען אין זיי קיין מאל קיין דוחק ניט זיין. דער באדען איז אבער ניט אומע־טום גלייך פרוכטבאר, עס גיבען מעהר פרוכט־בארע באדען'ס און וועניגער פרוכטבארע און אויסער דעם איז דער באדען בעגרענעצט. עס איז פאראן א געוויסער שטח און מעהר ניט, ער קען ניט אויסגעארבייטעט ווערען, און אט צוליעב דעם, וואס עס זיינען פאראן פערשיעדענע בא־דען'ס, קומט צו א נייע הכנסה פאר דיא גרונד־בעזיצער אונטערן נאמען רענטע."

אום דאס צו פערשטעהען, שילדערט אונז ריקארדא, ווי אזוי עס איז פארגעקומען דער ישוב העולם. ווען מענשען קומען אין א לאנד זיך בעזעצען — מיינט ריקארדא—וועלען זיי קודם כל נעהמען בעארבייטען, געוועהנליך, דיא פרוכטבארסטע און בעסטע באדען'ס, וועלכע זיינען אין דיזער לאנד פאראן, ווייל אויף אזא באדען קען מען מיט וועניגער ארבייט שאפען מעהר פראדוקטען. אויב אזוינע באדען'ס זיינען פאראן אזוי פיעל, דאס זיי קלעקען פאר אלעמען, ד. ה. אום צו בעפריעדיגען איהרע בעדירפניסען דארף דיא בעפעלקערונג ניט אנקומען צו בעאר־בייטען וועניגער פרוכטבארע באדען'ס — וועט דאן קיין רענטע ניט זיין, אזוי גוט, ווי עס איז ניטא א געוויסע רענטע פאר די בענוטצונג פון לופט, ליכט וואסער און דיא איבריגע מתנות פון דער נאטור, ווייל דער ווערטה פון אלע סחורות ווי אויך פון די לעבענס־מיטעל, וועלכע ווערען בעשאפען דורך'ן באדען, קען ניט זיין העכער, ווי דיא מאס ארבייט, וואס ווערט צוטהיילט בלויז צווישען די קאפיטאליסטען און ארבייטער —א בעזונדערע הכנסה איז דא ניטא פון וואנעט צו ציהען. ווען דיא בעפעלקערונג ווערט אבער גרעסער און דיא פרוכטבארע באדען'ס צוליעב זייער בעשטימטען פלאטץ קלעקען שוין ניט פיר דיא מאס נעטהיגע לעבען'ס פראדוקטען, טרעט מען דאך שוין באין ברירה צו צו בעארבייטען יענע באדען'ס, וועלכע זיינען שוין ניט אזוי פרוכטבאר, ווי דיא ערשטע, אבער די פרוכט־בארסטע פון דעם איבערגעבליעבענעם ניט בעארבייטענדען באדען. דער ווערטה פון דיא פראדוקטען, וועלכע ווערן פראדוצירט אויף אזא באדען, אויפ'ן באדען פון צווייטען קלאס, וועלען דאך מוזען דעקען די הוצאות, ד. ה. דיא מאס ארבייט, וואס זיי האבען געקאסט. נו, ווען דיזע פראדוקטען דעקען די הוצאות, פון דיא פער־וועגדעטע ארבייטס־קראפט, מוזען דאך מסתמא דיא פראדוקטען, וועלכע ווערען פראדוצירט, אויפ'ן באדען פון ערשטען קלאס בעצאהלען ניט בלויז די הוצאות. זיי מוזען צוליעב דיא פרוכט־בארקייט פון באדען געבען א געוויסען עודף, א צוגאב, צו דיא הוצאות. אט דיזער עודף, וואס דער באדען פון ערשטען קלאס גיט מעהר, צוליעב זיין בעסערע פרוכטבארקייט פאר'ן באדען פון צווייטען קלאס, וועלכער דעקט נור צו די הוצאות—איז די קוועלע פון רענ־טע. דער באדען פון צווייטען קלאס, גיט ניט קיין רענטע, ער דעקט בלויז צו די הוצאות. א רענטע ליווערט נור דער באדען פון ערשטען קלאס און דיא רענטע איז אזוי גרויס, אויף ווי־פיעל דער ערשטער באדען איז פרוכטבארער פון צווייטען באדען. שפעטער, ווען דיא בעפעלקע־רונג מוז שוין אנקומען צו בעארבייטען דיא באדען'ס פון דריטען קלאס, וועלען די באדען'ס פון צווייטען קלאס שוין אויך אנפאנגען צו גע־בען א רענטע, און אויך אזוי פיעל, אויף וויפיעל דער באדען פון צווייטען קלאס איז מעהר פרוכטבאר פאר'ן באדען פון דריטען קלאס. דיא רענטע פון'ם ערשטען באדען וועט שוין ווערען נאך גרעסער. עס וועט זיין גלייך צו דעם אונ־טערשיעד צווישען דיא פרוכטבארקייט פון דרי־טען באדען און ערשטען באדען.

ווען איך פערוועגד דהיינו א קאפיטאל פון 1000 רובעל (דער קאפיטאל איז ניט אנדערש, ווי פערגליווערטע ארבייט) אויף יעדען פון אונ־זערע דריי זארטען באדען'ס. אויפ'ן באדען פון ערשטען קלאס בעקום איך צ. ב. נאך די רענטע, 2000 פוד ווייץ; אויפ'ן באדען פון צווייטען קלאס 1,500 פוד ווייץ; אויפ'ן באדען פון דרי־טען קלאס בלויז 1000 פוד ווייץ; עס איז זעלבסט פערשטענדליך, אז דער ווערט פון יע־דען פוד ווייץ וועט זיין א רובעל—אזוי פיעל, וויפיעל עס קאסט אויפ'ן דריטען באדען, דען

אויב עס זאָל א פּוד ווייץ קאָסטען ביליגער, ווי אַ רובעל, וועט דאָך קיינער ניט וועלען זיך בעשעפטיגען מיט אַקערבוי אויפ'ן דריטען באָדען. יעדער קאַפּיטאַליסט וועלכער זוכט אַ עסק און האָט מזומן 1000 רובעל, וועט האָבען אַ קליינעם חשק צו פערלירען זיין קאַפּיטאַל אין לאנדווירטשאַפט — אַ געשעפט וועט איהם שוין אַ סך בעסער לוינען. נו, אויב יעדער פּוד ווייץ וועט קאָסטען אַ רובעל—וועלען דיא אייגענטהימער פון'ם דריטען זאָרט באָדען בעקומען בלויז 1000 רובעל, אזוי פיעל, וויפיעל עס האָט געקאָסט הוצאות. אין דעם געוועהנליכען פּראָצענט פאר'ן קאַפּיטאַל (אום צו פערמיידען גרויסע חשבונות רעכענען מיר דיא 1000 רובעל שוין צוזאמען מיט דעם געוועהנליכען פּ"צ וואָס יעדער קאַפּיטאַליסט דאַרף בעקומען פון אַ עסק) קיין רענטע איז דאָ ניטאָ. פון'ם צווייטען זאָרט באָדען וועט מען שוין בעקומען 1,500 רובעל, ד. ה. אַ רענטע פון 500 רובעל; פון'ם ערשטען זאָרט באָדען'ס נאָך אַ גרעסערע רענטע — אַ רענטע פון 1000 רובעל. עס קומט אויס, אַז דיא רענטע דיפערענצירט זיך, ווערט פערשיעדען. ניט אַלע אייגענטימער בעקומען אַ גלייכע רענטע. דאָס ווענדעט זיך אָן דעם דיפערענץ צווישען דיא ערגסטע באָדען'ס, וועלכע ווערען אין דער געזעלשאפט בעארבייט אין דיא בעסערע, מעהר פרוכטבארע באָדען'ס. וואָס ווייטער מען טרעט צו צובעאַרבייטען ווייניגער פרוכטבאַרע באָדען'ס, אַלץ גרעסער ווערט דער דיפירענץ און אַלץ העכער שטייגט דיא רענטע.

דיעזע טעאָריע איז בעוואוסט אין דער וויסענשאַפט אונטערן נאָמען: „דיא דיפירענצירטע רענטע פון ריקאַרדאָ."

פון דעם געשילדערטען ביישפּיעל איז געדרונגען, אַז דיא רענטע קען נור דאַן שטייגען, ווען מען טרעט צו צובעאַרבייטען אַ נייעם זאָרט באָדען'ס, וועלכע זיינען געוועזען ביז איצט ניט בעאַרבייט — ד. ה. ווען דער שטח לאַנד, וואָס ליעגט אונטער'ן אַקער, האָט זיך פערגרעסערט. רענטע קען אין אמת'ן אויך שטייגען דאַן, ווען דער שטח בעאַרבייטע לאַנד ווערט אפילו ניט גרעסער, אָבער עס ווערט דערפאַר גרעסער דער קאַפּיטאַל, וועלכער ווערט אָנגעווענדעט צום בעאַרבייטען אַ געוויסען באָדען.

ווען דיא בעפעלקערונג ווערט גרעסער און מען נויטיגט זיך אין תבואה און איבעריגע לעבענס-מיטעל קען דיעזער ציעל עררייכט ווערען אויף צוויערליי אופנים: ערשטענס דורכ'ן צונעהמען צו לאַנד און פעלד ווירטשאַפט אַ גרעסערען שטח — ביז איצט נאָך ניט בעאַרבייטע פּלעצער; צווייטענס קען מען פערגרעסערען דיא מאָס תבואה דורך דעם, וואָס מען פאַנגט אָן צו פיהרען אַ בעסערע, אַ מעהר אינטענסיווע ווירטשאַפט; מען פערגרעסערט דעם אינווענטאַר; מען קויפט מעהר בהמות, מען מיסטיגט בעסער דיא פעלדער, מען דרעגירט דעם באָדען, מען פיהרט איין בעסערע אַקער אייזען'ס — מיט איין וואָרט מען פערלייגט אין דער ווירטשאַפט אַ נייעם קאַפּיטאַל. געוועהנליך — מיינט ריקאַרדאָ — קען דער ניי אריינגעברעקעלטער קאַפּיטאַל, וויעפיעל ער זאָל ניט פערגרעסערען דיא מאָס תבואה און פערשאַפען ארבייט, ניט בריינגען אזא גרויסען פּראָצענט ריוח, וויא דער קאַפּיטאַל, וואָס איז אָנגעווענדעט געוואָרען פריהער אויף דיעזעלבע ווירטשאַפט, דען אויב דער פאַל זאָל יא זיין, וואָלט מען דאָך איבערהויפּט קיין מאָל ניט דאַרפען פערגרעסערען דעם שטח לאַנד. אַנשטאַט צו פערגרעסערען און אָנפאַנגען צו בעאַרבייטען אַ נייע שטיק באָדען, וואָלט מען דעם זעלביגען קאַפּיטאַל, וואָס דאַרף אָנגעווענדעט ווערען אויף דעם ניי צוגענומענעם באָדען, בעסער אריין טהון אין דעם שוין לאַנג בעאַרבייטעטען באָדען. דיא גאַנצע וועלט וואָלט זיך געקענט אויף דעם בעגניגענען מיט איין דעסיאַטין בעאַרבייטעטע לאַנד. ווען פאַקטיש איז ניט אַזוי, ווען אין אמתן ווערט דער שטח לאַנד, וואָס איז פערווענדעט צום ווירטשאַפט, אַלץ גרעסער, איז דערפון געדרונגען—אַזוי שליסט ריקאַרדאָ—אַז עס לוינט בעסער פאַר דעם זעלביגען קאַפּיטאַל אָנצופאַנגען בעאַרבייטען אַ נייעם פּלאַץ איידער איהם צו פערווענדען אויף דעם אַלטען שוין בעאַרבייטעטען באָדען: אַ כלל, אַז דער ערשטער פּאַרברויכטער קאַפּיטאַל גיט מעהרער ריוח, וויא דער צווייטער פאַרברויכטער קאַפּיטאַל. אָדער בעסער דער קאַפּיטאַל וואָס ווערט אָנגעווענדעט צום ערשטען מאָל אויף אַ באָדען מאַכט דעם באָדען פרוכטבאַרער און בריינגט מעהר תבואה, וויא דער קאַפּיטאַל, וואָס ווערט אָנגעווענדעט שוין אַ צווייטען מאָל אויפ'ן אויסבעסערען דיא פאַרם. דיא אויסבעסערונג וואָס קומט פאַר צוליעב דעם צווייטען אָנגעווענדעטען קאַפּיטאַל קען ניט אויף אַזוי פיעל פערמעהרען דיא מאָס תבואה, וויעפיעל מען וואָלט בעקומען פון אַ נייעם באָדען ביים אַנווענדונג פון דעם זעלביגען קאַפּיטאַל. און וויבאַלד, אַז יעדער ניי אָנגעלעגטער קאַפּיטאַל גיט אַלץ אַ קלענערע מאָס תבואה, קומט דאָך אויס, אַז דיא ערשטע קאַפּיטאַלען, ד. ה. וואָס פריהער דיא קאַפּיטאַלען זיינען פערווענדעט געוואָרען אויף דעם אייגענעם באָדען, זיינען אין פערגלייך מיט דיא שפּעטערדיגע קאַפּיטאַלען פרוכטבאַרער, און דיעזער אונטערשייד, דער דיפערענץ צווי־

שען דיא מאסען תבואה, אויף וויעפיעל יעדער שפעטער אנגעלעגטער קאפיטאל גיט וועניגער פאר דיא פריהער אנגעלעגטע — הייסט רענטע. דער לעצטער אנגעלעגטער קאפיטאל גיט בלויז דעם געוועהנליכען ריוח אבער רענטע גאר ניט. דיא פריהערדיגע אנגעלעגטע קאפיטאלען ליווערן שוין א קלענערע אדער א גרעסערע רענטע.

ווען איין ארענדאטאר, אנווענדענדיג א קאפיטאל פון 1000 רובעל, בעקומט א ריוח ענדע יאהר 100 פוד תבואה (דער בעטראג דערפון לאמיר אננעהמען, וועט זיין 100 רובעל) און ביין אנלייגען אין דעמזעלבען באדען נאך 1000 רובעל, וועט ער שוין דעם צווייטען מאל (לויט דעם געזעץ, אז יעדער שפעטערער אנגעווענדעטער קאפיטאל גיט אליץ א קלענערע מאס תבואה) בעקומען א ריוח נור פון 85 פוד תבואה —דאן וועט שוין דיא 15 פוד תבואה — דער אונטערשיעד פון דיאביידע רוחים — בילדען א רענטע, וואס וועט סוף כל סוף אנקומען דעם בעל נחלה און ניט דעם ארענדאטאר. ווען דער ארענדאטאר וועט דעם צווייטען מאל מאכען א קאנטראקט, וועט דער גרונדבעזיצער שוין אויסמארקירען, דאס דער ארענדאטאר זאל פאר יעדע טויזענד רובעל בעקומען א ריוח בלויז פון 85 רובעל. און אונזער געזעלשאפט קען ניט זיין קיין רוחים אויף גלייכע קאפיטאלען. עס איז אונמעגליך, אז אין איין פאל זאל א קאפיטאל פון טויזענד רובעל ברייגען 100 רובעל ריוח און אין א צווייטען פאל 85 רובעל ריוח. א כלל איז, אז גלייכע קאפיטאלען געבען גלייכע פראצענטען ריוח ביי אנדערע גלייכע בעדינגונגען. און לויט דעם געזעץ פון דער פרייער קאנקורענץ איז דאס גאנץ פערשטענדליך. אויב איין קאפיטאל אין א געוויסען עסק זאל ברייגען א גרעסערען פראצענט ריוח, וויא דער זעלביגער קאפיטאל אין א אנדער עסק, וואלטען דאך אלע זיך בעשעפטיגען מיט יענעם עסק, וועלכער גיט א גרעסערען ריוח. און וויעבאלד, אז יעדע פערווענדעטע טויזענד רובעל מוזען געבען גלייכע רוחים, טא מוז מסתמא דער דורכשניטליכער ריוח זיין פאר יעדע טויזענד רובעל ניט 100 רובעל, נור 85 רובעל יעהרליך, ווען דער דורכשניטליכער פראצענט ריוח אויף 1000 רובעל קאפיטאל וואלט זיין 100 — וואלט דאך דעם ארענדאטאר ניט לוינען אריין צוברעקלען דיא צווייטע טויזענד רובעל. אנשטאט צו פערווענדען דיא צווייטע 1000 רובעל און גוט און צו בעקומען בלויז 85 רובעל ריוח, וואלט דער ארענדאטאר בעסער אריינגעברעקעלט דיא 1000 רובעל אין וואס עס איז ניט אנדער עסק. דארטען וואלט ער דאך ביי געוועהנליכע בעדינגונגען בעקומען דעם געוועהנליכען דורכשניטליכען ריוח 100 רובעל.

מיר זעהען, אז דער אם וועניגסטען פרוכטבארער בעארבייטעטער באדען און דער צולעצט אנגעווענדעטער קאפיטאל גיט קיין רענטע ניט. רענטע איז בלויז פאראן דאן, ווען אונטערן אקערליגען באדען'ס מיט פערשיעדענער, ניט גלייכער פרוכטבארקייט, אדער מיט א רייהע, איינער שפעטער פאר'ן אנדערען אנגעווענדעטע קאפיטאלען. דיא בעפעלקערונג ווערט אליץ גרעסער עס ווערט א דוחק אין תבואה, מען מוז אנפאנגען צובעארבייטען אליץ וועניגער פרוכטבארע באדענס אדער אין דעם זעלבען באדען אריינברעקלען אליץ נייע קאפיטאלען און דיא רענטע וועט ממילא שטייגען. דיא רענטע שטייגט, ווייל עס ווערט טהייערער תבואה, אבער ניט אומגעקעהרט. דער ווערטה פון תבואה ווידער שטייגט, ווייל מען מוז אנווענדען אויף איהר פראדוקציאן אלס א גרעסערע מאס ארבייט, ווייל צוליעב דיא פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג מוז מען בעארבייטען אליץ וועניגער פרוכטבארע באדענס. דיא רענטע קען זיך זעלבסטשטענדיג אליין קיין מאל ניט פערגרעסערען, אויב דיא בעפעלקערונג זאל זיך ניט נויטיגען אין נייע לעבענסמיטלען און ניט אנפאנגען צו בעקומען אליץ א קלענערע מאס תבואה פאר דיעזעלבע מאס ארבייט און קאפיטאל, וויא פריהער, ד. ה. ווען מען זאל ניט צוטרעטען צו בעארבייטען אליץ וועניגער פרוכטבארע באדענס.

ווען דיא לענדלארדס ווילען, אז דיא רענטע זאל שטייגען, ווענדען זיי אן פערשיעדענע מיטלען דער פרייז פון תבואה זאל שטייגען. אין דייטשלאנד קעמפפען דיא גוטסבעזיטצער (און זיי האבען טאקע א דאנק דער רעאקציאנער פאליטיק פון דיא רעגיערונג אין זייער קאמפף געזיעגט !) מען זאל ארויפלעגען גרויסע אבצאהלונגען אויף דיא אויסלענדישע תבואות. תבואות אין לאנד ווערען דורך דעם וועניגער און, אום צו דעקען דאס בעדירפנים אין דיעזע נויטיגע לעבענסמיטלען, מוז מען אנפאנגען צו בעארבייטען ערגערע באדענס און דיא דיפערענצירטע רענטע וועט שטייגען. דער פרייז פון דיא תבואה איז אבער קיין מאל ניט אבהענגיג פון דיא רענטע לויט ריקארדא. ווען דיא גוטבעזיטצער וואלטען קיין רענטע אפילו ניט בעקומען, וואלט דער פרייז פון דיא תבואה אפילו אויף א האאר ניט פאלען, דען דיא מאס ארבייט אין קאפיטאל, וואס איז נויטיג צום בעשאפען דיא מאס פראדוקטען אויפ'ן ערגסטען באדען, וועט דאך דאדורך ניט וועניגער ווערען.

דאָ זעהט מען גלייך ארויס דעם משונהדיגען כאַראַקטער פון רענטע. אַ גרויסע רענטע איז ניט אַ סימן, אַז דיא געזעלשאַפט שטעהט גוט אין מעמד. דוקא פערקעהרט, וואס שווערער דיא געזעלשאַפט ארבייט, וואָס מעהר שווייס זיא פערווענדעט אויף חיונה אלץ גרעסער איז דיא רענטע. און פערקעהרט, ווען דיא געזעלשאַפט זאָל האָבען דיא מעגליכקייט לייכט צו בעקומען איהר חיונה, מיט וועניגער מאַטערניס, ווען זיא וואָלט זיין אימשטאַנד צו בעאַרבייטען בלויז דיא פרוכטבאַרע באָדענס פון ערשטען זאָרט — דאַן וואָלטען דיא לענדלאָרדס ניט האָבען קיין הכנסה און זיי וואָלטען מוזען, במחילה, אליין בכבודם ובעצמם טאַקע האָרעווען אויף חיונה. רענטע איז פאַראַן ניט דעריבער, ווייל דער באָדען איז בכלל פרוכטבאַר און רייך, נור דוקא דעריבער, ווייל ער איז אויך ניט אזוי פרוכטבאַר. ווען דער באָדען גיט יא רענטע און די לופט, ליכט און דאַמפף געבען ניט קיין רענטע איז דאָס ניט אַ מעלה פון באָדען, אַ סימן פון זיינע בעסערע אייגענשאַפטען, נור אַ בעוויז, אַז דער באָדען, האָט ערגערע אייגענשאַפטען פון ליכט, לופט, וואַסער און דאַמפף. דאָס איז אַ חסרון פון באָדען, דען דאָס בעווייזט אונז, אַז דיא לופט און ליכט זיינען אומעטום גוט, פרוכטבאַר און זיינען דאָ בשפע און אַז דער באָדען איז ערטערוויז ערגער און איז וועניג פאַראַן. ווען דיא ליכט און לופט וואָלטען אויך געהאַט דיעזע שלעכטע אייגענשאַפטען, דיעזע חסרונות, וואָלטען זיי אויך געליווערט רענטע.

רענטע בעקומט מען ניט בלויז דורך דיא פערשיעדענהייט און דיא פרוכטבאַרקייט, נור אויך דורך דיא פערשיעדענהייט אין דער לאַגע פון באָדען. עס איז לייכט צו פערשטעהען, אַז יענע ווירטשאַפטען, וועלכע ליעגען ניט ווייט פון דיא מערק, פון דיא גרויסע צענטרום׳ס, ברייננען פאַר דיעזעלבע ארבייט און קאַפּיטאַל אַ סך מעהר תבואות, וויא יענע, וועלכע ליעגען ווייט פון דיא מערק, דען דאָרטען קאָסט דאָך אַ סך ארבייט און קאַפּיטאַל ביז וואַנעט מען שטעלט צו דיא פאַרטיגע תבואות צום מאַרק. ווען דיא ווירטשאַפטען, וועלכע האָבען ניט נאָהענטע מערק ארום זיך — און ליעגען אין אַ פערוואָרפען ווינקעל דערהען דיא הוצאות, גיבען מסתמא דיא אלץ מעהר נעהנטערע ווירטשאַפטען אַ איבערפלוס — אַ רענטע.

עס איז איבעריג צו דערמאָהנען, אַז אלץ וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט בנוגע לאַנדווירטשאַפט פאַסט זיך אויך בנוגע בערגבוי וכדומה.

און וואָס פאַר אַ שייכות געפינען זיך דיא אלע דרייערליי הכנסות: ארבייטסלוין, ריוח און רענטע איינע צו דיא אנדערע?

רענטע און ריוח האָבען איין צד השוה דאָס זיי ביידע זיינען הכנסות בלויז דורך דעם, ווייל עס הערשט דאָס געזעץ פון פריוואַט אייגענטהום אויפ׳ן באָדען און אויף דיא איבעריגע פּראָדוקציאָנסמיטלען. ווען ניט דאָס רעכט פון אייגענטהום, וואָלטען דיא לענדלאָרדס, אזוי די קאַפּיטאַליסטען קיין הכנסה ניט האָבען, ווייל זיי טהוען קיין זאַך ניט, זיי בעשאַפען ניט קיין ווערטה און דעריבער זיינען זיי אויך קליינע מחותנים צו בעקומען אַ חלק דאָרטען, וואו זיי האָבען ניט אריינגעלעגט — און וואָס געהערט בלויז דיא ארבייטער, ווייל דורך קיין אַנדערן אויסער זיי זיינען דיא ווערטהען ניט פּראָדוצירט געוואָרען. דיעזע הכנסות שטאַמען דעריבער ניט פון׳ם עצם פּראָדוקציאָן, נור פון דער פּאָליטישער אָרדנונג, וועלכער הערשט איצט און וועלכער איז געגרינדעט אויפ׳ן יסוד פון פריוואַט אייגענטהום.

דיא דיפערענצערטע רענטע איז אנדערש, וויא ריוח אין דעם, וואָס זיא שטעהט ניט אין אַזאַ גראַדען ווידערשפרוך צו דיא שכירות פון ארבייטער. ארבייטער און קאַפּיטאַליסטען, וויא מיר האָבען געזעהן, זיינען צוויי אונפערמיידליכע געגנער, צוויי שונאים, צווישען וועלכע עס קען קיינמאָל קיין שלום ניט זיין, ווייל זיי לעבען ביידע פון איין חלק, פון איין שיסעל. וואָס מעהר עס האָט איינער, אַלס וועניגער קומט אָן דעם צווייטען. אַ אויסגלייכונג, אַ פשרה איז דאָ ניט שייך. דיא עקספּלאָטאַציאָן פון ארבייטער איז אונפערמיידליך, קוים זיינען פאַראַן איבערהויפּט קאַפּיטאַליסטען און ארבייטער. צווישען לענדלאָרדס און ארבייטער איז אָבער אַזאַ דירעקטער קאַמפּף ניט פאַראַן. ווען דיא ארבייטער זאָלען אפילו בעקומען דעם גאַנצען פּראָדוקט פון זייער ארבייט — אפילו אויך דעם ריוח פון דיא קאַפּיטאַליסטען, וועלען דיא לענדלאָרדס זייער רענטע ניט אָנווערען, ווייל דיא דיפערענצירטע רענטע איז ניט בעשאַפען דורך דעם ארבייטערס האָרעוואַניע, נור דורך דיא פערשיעדענהייט אין באָדען.

פון דער אַנדערער זייט אָבער סימפּאַטיזירט ריקאַרדאָ מעהר מיט דיא קאַפּיטאַליסטען, וויא מיט דיא לענדלאָרדס (דאָ טרעטען בולט ארויס דיא קלאַסען־סימפּאַטיען פון ריקאַרדאָ, וויא אָביעקטיוו ער איז ניט). דער קאַפּיטאַליסט, וועניגסטענס — מיינט רעקאַרדאַ — איז דער אייגענטהימער פון קאַפּיטאַל, וואָס איז בעשאַפען דורך ארבייט; ער איז אויך דער אָרגאַניזאַטאָר אין דער אונטערנעהמונג, ער טהוט לכל

הפחות וואס עס איז. ער ריזיקירט זיין קאפיטאל; זיין אייגענטהום־רעכט אויף די פראדוקציאן־מיטלען קען צוגעלאזען ווערען און עס וואלט ניט זיין אזא עולה, ווען דיעזע פראדוקציאנס מיטלען זיינען א רעזולטאט פון זיין אייגענער ארבייט ווען ער האט דאס צונויפגעקליעבען דורך שפארזאמקייט א. ז. וו. (ריקארדא און זיינע תלמידים בעטראכטען טאקע יעדען קאפיטאליסט פאר א שפארזאמען, דרייסטען ארבייטער, וועלכער וויים, וויא צו היטען זיין פערהארוועטען קאפיטאל). אויסער דעם איז דער קאפיטאליסט, לויט ריקארדא'ס מיינונג, א נוטציגער מיטגליעד, דען ער פיהרט דאך דיא גאנצע פראדוקציאן. דער קאפיטאליסט און ארבייטער זיינען טאקי א פאאר געגנער, אבער זיי זיינען אויךביידע נוטציגע מיטגליעדער אין דער געזעלשאפט. גאנץ אנדערש איז מיט דיא גרונדבעזיטצער. דאס זיינען אמת'ע פאראזיטען, „דארמאיעדניקעס“, מחבלים, וואס שטעקען ניט אריין א פינגער אין קאלטע וואסער. אין דער פראדוקציאן נעהמען זיי קיין שום חלק ניט און דאס אייגענטהום רעכט, צוליעב וועלכע דיא אגראריער בעקומען א פעטען חלק אין דיא עשירות פון דער געזעלשאפט, האבען זיי ניט כשר פערדיענט פאר זייערע מעשים טובים, זיי נעהמען עס פשוט אליין ביד חזקה, ווייל זיי האבען דיא מאכט.

ריקארד'ס שנאה צו אגראריער פערשטארקט זיך, ווען ער קומט צום שלוס, דאס דיא לאגע פון קאפיטאליסטען ווערט אלס ערגער אין דער צייט, ווען זיי די גרונדבעזיצער, בעקומען וואס ווייטער אלץ מעהר רענטע.

לויט דעם געוויסען געזעץ, אז דיא ארבייטער מוזען בעקומען אזוי פיעל, וויעפיעל עס איז זיי נויטיג אויף חיונה — מיינט ריקארדא — קענען קיין גרויסע פערענדערונגען אין דיא שכירות ניט פארקומען*). גאנץ אנדערש שטעהט דיא זאך מיט דיא קאפיטאליסטען און אגראריער. דיא בעפעלקערונג פערמעהרט זיך; דיא איצטיגע מאס תבואה גענוגט ניט פאר די פערגרעסערטע בעפעלקערונג; מען מוז אנפאנגען צו בעארבייטען וועניגער פרוכטבארע באדענס (מיר דארפען ניט פערגעסען, אז ריקארדא האלט פיר ריכטיג דאס געזעץ פון מאלטוס, אז וואס ווייטער ווערט דאס לעבען אלץ שווערער און שווערער, ווייל דיא בעפעלקערונג פערמעהרט זיך א סך געשווינדער, וויא דער טעכנישער פראגרעס — דיא רענטע, פערשטעהט זיך, וועט שטייגען. תבואה און דיא איבעריגע נויטווענדיגע לעבענסמיטעל וועלען דאך אויך שטייגען און וויעבאלד, אז דיא נויטווענדיגע לעבענסמיטעל שטייגען, מוזען זיך אויך העכערען דיא שכירות, קוים העכערען זיך אבער דיא שכירות מוז דער ריוח פאלען. און אזוי גוט, וויא דיא בעפעלקערונג האלט זיך אין איהר פערמעהרונג ניט אב — טא קומט אויס, אז דער ריוח פון דיא קאפיטאליסטען האט דיא טבע צו ווערען אלץ וועניגער, ביז ער וועט דערגרייכען די מדרגה פון .0 די רענטע, פערקעהרט, האט דיא טבע אלץ מעהר און מעהר צו שטייגען.

דער געזעלשאפטליכער פראצעס שטעלט זיך פאר ריקארדא אין פאלגענדען געשטאלט: דיא לאגע פון דיא ארבייטער ווערט ניט ערגער און ניט בעסער (דיא שכירות, אויסגעדריקט אין געלד, שטייגען אפילו, אבער צוליעב דעם יקרות אויף דיא לעבענסמיטעל, וואס ווערט אלץ גרעסער און גרעסער דורך דיא פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג, ווערען דיא אמת'ע שכירות, ד. ה. דיא שכירות אויסגעדריקט אין פראדוקטען, ניט העכער); דיא קאפיטאליסטען בעקומען וואס ווייטער אלץ וועניגער ריוח און זייער לאגע ווערט ערגער; דיא אגראריער, פערקעהרט, בעקומען וואס ווייטער אלץ מעהרער רענטע.

עס איז ניט קיין צופאל, וואס די אנהענגער פון ריקארדא'ס לעהרען האבען געהאלטען דיא גרונדבעזיצער פאר דעם אונגערעכטעסטען קלאס אין דער געזעלשאפט און האבען געפאדערט אין נאמען פון גערעכטיגקייט און געזעלשאפטליכע נוטצען אוועקצונעהמען פון זיי דיא זכותים און ניט דערלאזען זיי פערכאפען דעם באדען אין פריוואט אייגענטהום. ווען הענרי דזשארדזש, האלטענדיג דאס קאפיטאליסטישע אייגענטהום־רעכט אויף פערשיעדענע פראדוקצינס מיטלען פאר נייטיג און זאגאר הייליג, האט געפרעדיגט מיט גרויס היץ און איבערציייגט צ ו נ א צ י א נ א ל י ז י ר ע ן דעם באדען, האט ער עס געטאן אויף דעם סמך, וואס רענטע איז אן אונגערעכטע פערכאפונג פון די מתנות, וואס דיא נאטור שענקט אלע גלייך.

ריקארדא פערגעסט אויך ניט אנצו־ווייזען

*) אגב אורחא וועלען מיר בעמערקען, אז אין דעם זעלבען טעות איז אויך אריינגעפאלען פערדינאנד לאסאל און דעריבער האט ער וויניג וואס געהאלטען פון עקאנאמישען קאמפף אלס אזעלכען אין דעם הערשענדען ארדנונג. ער איז אויך געוועזען פעסט איבערצייגט, אז מעהר וויא דיא נייטיגסטע לעבענס מיטעל קענען דיא ארביימער אין דיא יעצטיגע בעדינגונגען, ניט ערשלאגען.

אויף דיא בעדינגונגען, וועלכע פערקלענערן דיא רענטע און פערגרעסערן ממילא דיא ריוח פון דיא קאַפּיטאַליסטען. רענטע ווערט קלענער:

1) ווען עס קומען פאָר פערבעסערונגען אין דער לאַנד־ווירטשאַפט. ווען מען פיהרט איין נייע מאַשינעס, אָדער ווען מען האָט געפונען בעסערע מעטאָדען, וויא דעם באָדען צו בעאַרבייטען, ווען עס ווערען ענטדעקט וואָלוועלע מיסטיגונגס מיטעל, — מיט איין וואָרט, ווען דיא פּראָדוקטיוויטעט אין דער לאַנד־ווירטשאַפט איז געוואָרען גרעסער. דורך אַזוינע אויסבעסערונגען אין דער וויסענשאַפט גיט אַ קלענערע מאָס אַרבייט מעהר תבואה, וויא פריהער. מען הערט אויף דאַן צו בעאַרבייטען דיא שלעכטע באָדען'ס, צו וועלכע מיטעל מען האָט פריהער, פאַר דיא פערבעסערונגען, געמוזט אָנקומען, ווייל עס האָט ניט געקלעקט קיין תבואה פאַר די גאַנצע געזעלשאַפט. ווען דער לעצטער סאָרט באָדען'ס, וועלכען דיא געזעלשאַפט בענוצט פאַר לאַנד־אַרבייט, געהערט צו אַ העכערער מדרגה איז קלאָר, אַז דיא רענטע מוז פאַלען.

2) ווען עס ווערען אויסגעבעסערט דיא וועגען און דיא איבעריגע פערקעהרס־מיטעל און

3) ווען מען נעהמט אַראָפּ דיא פּאַשלינעס אויף די אַריינגעפיהרטע אויסלענדישע תבואות. דאָס אַלעס פיהרט דערצו דאָס אין לאַנד קומט אַריין מעהר תבואות, עס הערט אויף צו זיין אַזאַ גרויסער דוחק אויף לעבענסמיטעל, מען הערט אויף צו בעאַרבייטען דיא ערגסטע באָדען'ס און רענט פאַלט.

ריקאַרדאָ, אַלס פערטהיידיגער פון דיא קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסען, איז דעריבער געווען אַן אונגעהייער גרויסער געגנער פון געוויסע אָבצאָלונגען אויף אַריינגעפיהרטע סחורות און איז דערמיט געבליבען טריי זיין רבי'ן אַדאַם ס מ י ט. ריקאַרדאָ האָט אין זיינע שריפטען, וויא אויך אין פּאַרלאַמענט שטענדיג איבערצייגט דיא שעדליכקייט פון פּראָטעקציאָנס־פּאָליטיק אין דער צייט, ווען דער אַגראַריער מ אַ ל ט ו ס, ניט קוקענדיג, וואָס ער איז געווען אַ שטאַרקער אַנהענגער פון סמיטס לעהרע, איז, וויא מיר ווייסען שוין, שטענדיג אַרויסגעטרעטען אין דיא נוטצען פון פּאַשלינעס אויף אַריינגעפיהרטע תבואות.

ריקאַרדאָס רענט־טעאָריע איז איינע פון דיא טייערסטע קאָסטבאַרקייטען אין פּאָליטישע עקאָנאָמיע. דורך דיזער טעאָריע איז געוואָרען קלאָר און דייטליך דער פערפּלאָנטערטער, פערדרעהטער מעכאַניזם פון דער פערטהיילונג דיא פּראָדוקטען. איינציגע געדאַנקען זיינען שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרען פון ריקאַרדאָ. ריקאַרדאָ האָט אָבער אַלעס סיסטעמאַטיזירט, אויסגעקליבען דיא געזונדע פון דיא ניט געזונדע און פעראַרבייטעט אין איין אַלגעמיינע איינהייטליכע לאָגישע סיסטעם, דורך וועלכער עס ווערען מערקווירדיג גוט בעלויכטען און ערקלערט אַלע ערשיינונגען אין ווירטשאַפטליכען לעבען. דער הויפּט סקעלעט פון'ם גאַנצען ווירטשאַפטליכען אָרגאַניזמוס איז געוואָרען דורך ריקאַרדאָ'ס טעאָריען קלאָר אויסגעפאָרשט און אַנאַטאָמיש פערנאַנדערגעגלידערט. דיא ווייטערדיגע געלעהרטע איז נור אויסגעקומען אויספיהרליכער צו ערפאָרשען א י נ צ י ג ע אָרגאַנען, וואו ניט וואו רעפּערירען, אָנווייזען אַ טעות, אָבער איז גרויסען אין גאַנצען זיינען ריקאַרדאָ'ס טעאָריען ניט צושלאָגען און ניט ערשיטערט געוואָרען. אמת, פערשידענע געלעהרטע, איבערהויפּט דיא פאָרשטעהער פון דיא לענדלאָרדס, וועלכע זיינען מעהר פון אַלע אונצופריעדען מיט ריקאַרדאָ'ס טעאָריען, האָבען געפּרואווט איינצו־וואַרפען און צו פערניכטען דיא גרויסע געביידע, וואָס ריקאַרדאָ האָט אויפגעשטעלט און פערבייטען מיט אַזאַ, וועלכע זאָל פערדעקען, פערדונקלען און פערבאַרגען. דיא ריכטיגע קוועלען פון דעם פּאַראַזיטישען עקזיסטענץ, דיא אומזיסטע אונגערעכטיגע הכנסות פון זייערע קלאַסען־גענאָסען, כדי דיא לעצטע זאָלען קענען אונגעשטערט ווייטער זיצען אויפ'ן אַרבייטענדעם פאָלקס־קערפּער. אַזוינע לעהרען זיינען אָבער, גלייך וויא זיי זיינען פאָרגעשטעלט געוואָרען פאַר'ן מישפּט פון'ם ריינעם וויסענשאַפטליכען קריטיק, פערשוואונדען גויא אַ רויך. אויך היינט זיינען דאָ חכמים, וועלכע שטעלען אויף אַזוינע פערשידענע קאָרטען־שטיבעלאַך, אָבער אין דעם טעמפּעל פון דער ריינער, ניט קלאַסען־וויסענשאַפט, איז פאַר זיי קיין פּלאַץ ניט פאַראַן.

אַרבייטער בעוועגונג און סאָציאַל דעמאָקראַטיע אין דער שווייץ

פון א. מירקין.

נאַטירליך, גלאַט איז דאָס ניט אָבגעגאַנגען. אויף דעם פּאַרטייטאַג אַליין זיינען געווען זעהר וועניג געגנער און ביי דער אבשטימונג זיינען זיי נעלם געוואָרען; אָבער אין דער רעססע און אויף פערזאַמלונגען האָט מען געפיהרט א הייסען שטרייט. אָט פון דעם שטרייט גופא, וויא ער איז געפיהרט געוואָרען און מיט וועלכע וואַפּפען מען האָט געקעמפּפט האָט מען געקענט זעהען, וויא נויטיג אַ רעאָרגאַניזאַציאָן איז.

קודם כל האָבען זיך אָנגעהויבען קעמפּפע אין גריטלי פעראיין. ווען דער גריטלי־פעראיין האָט זיך געשטעלט פאַר 8 יאָהרען אויף דער ס. ד. שטאַנדפּונקט, איז אַ געוויסע צאָהל אַרויסגעטרעטען, אָבער דאָס זיינען נאָך ניט געווען אַלע, וואָס זיינען ניט געווען איינפערשטאַנדען מיט דער נייער תורה. אַנדערע זיינען געבליבען, ווייל ביי זיי איז דער גריטלי־פעראיין געווען הויפּטזעכליך אַ נאַציאָנאַלער; זיי האָבען איהם ליעב געהאַט צוליעב זיינע היסטאָרישע טראַדיציאָנען. אין פּאָליטיק האָבען זיי געהאַלטען מיט דעם לינקסטען פליגעל פון דיא ליבעראַלען, וויא צ. ב. אין סט. גאַללען און אַנדערע ערטער פון מזרח־שווייץ. און „דיעזע דעמאָקראַטען זיינען געווען ביי זיי טהייערער, וויא מאַרקס, בעבעל און ווילהעלם" (ליעבקנעכט") זיי ווילען ניט, אַז „מען זאָל דערשטיקען דעם גריטלי מיט דער רויטען קראַוואַטע". „אַמאָליגע צייטען, בשעת מען האָט ניט געהאַט געשעפטען מיט דיא ס. ד., האָט מען אויפגעטהון מעהר, וויא יעצט." דער גריטלי, דער שטאַרקסטער פעראיין אין דער גאַנצער שווייץ, וועט אויפגעפרעסען ווערען פון דער שוואַכער פּאַרטיי, וויא פּרעה'ס זיעבען פעטטע קיע זיינען אויפגעפרעסען געוואָרען פון דיא מאָגערע." דאָס זיינען געווען דיעזעלבע טענות, וויא 8 יאָהר צוריק און פון דיעזעלבע מענשען. אַזעלכע עלעמענטען זיינען געווען נאָר אַ שטערעניש, זיי האָבען געמוזט אַרויס און זיי זיינען טאַקע אַרויס, מיט קולות, אויף דיא „פאַנאַטיקער", דיא „דאָגמאַטיקער", דיא „ענגהערציגע" און ענג־שכל'דיגע „דאָקטרינערען".

דיא בורזשואַזיע האָט ריכטיגער פערשטאַנען דיא בעדייטונג פון דעם גריטלי־פעראייז. קיין גרויסע הנאה האָט זיא דערפון ניט געהאַט; נאָך ווייניגער, וויא דיעזע גענאָסען. זיא האָט געהאָפט, אַז אין דער פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַלטען נאָך איהר מיינונג ביים שטאַרבען, וועט אַריין אַ נייער לעבען. מיט גרויס התלהבות האָט זיא זיך אָנגענומען פאַר דעם גריטלי־פעראיין, וואָס וועט בטול בששים ווערען אין דער נייער פּאַרטיי. „אַזאַ שאַד! אַזאַ אַלטער פעראיין! פּאַסט אַזוי גוט צו דעם שווייצערישען כאַראַקטער!" זיא האָט זיך ניט געפוילט צו גיעסען אייל אין דיא צוקאָכטע הערצער פון דיא „פּראָטעסטאַנטען", ערוועקען אַ שנאה אין זיי צו דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע.

אויף דעם פּאַרטיי־טאָג פון 1902, דעם ערשטען פּאַרטייטאָג פון דער נייער פּאַרטיי, איז אָנגענומען געוואָרען אַ וויכטיגער בעשלוס: אַרויסצושטעלען וויא ווייט נאָר מעגליך אייגענע קאַנדידאַטען. אין דעמזעלבען יאָהר זיינען געווען דיא וואַהלען און עס זיינען אויסגעקליעבען געוואָרען 7 סאָציאַל־דעמאָקראַטען אנשטאָט פריהערדיגע 4.

6. דער זשענעווער גענעראַל סטרייק און דער קאַמפּף געגען מיליטעריזמוס.

דיא שמחה פון דיא אַרבייטער איבער זייער ערפאָלג ביי דיא וואַהלען איז פּלוצלונג געשטערט געוואָרען דורך דיא ניעדערלאַגע, וואָס דיא אַרבייטער האָבען געהאַט אין דערזעלבער צייט אין עקאָנאָמישען קאַמפּף. דאָס איז געווען דער זשענעווער גענעראַל סטרייק. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויעזען דער קלאַססען כאַראַקטער פון דער רעפּובליקאַנישער רעגיערונג אין זיין גאַנצער געשטאַלט. דיא אָנגעשטעלטע אויף דיא שטאָדטישע טראַמוויים האָבען ערקלעהרט אַ סטרייק, ווייל דיא דירעקציאָן האָט ניט געוואָלט ערפיללען זייערע פאָדערונגען. אַזוי וויא עס איז געווען קלאָהר, אַז זיי וועלען פערשפּיעלען דעם סטרייק, ווייל זיי זיינען געווען צו שוואַך, האָט זיך אָנגעהויבען אַן אַגיטאַציאָן צווישען דיא זשענעווער אַרבייטער פאַר אַ גענעראַל סטרייק, כדי צו העלפען זיי. (אַ סימפּאַטהיע סטרייק). דיא אַגיטאַציאָן האָט געפונען געגנער צווישען אַ טהייל פון דיא סאָציאַל דעמאָקראַטען, ווייל זיי האָבען פאָראויסגעזעהען, אַז דער גענעראַל סטרייק וועט קיין שום ווירקונג ניט האָבען:

דער זשענעווער פראלעטאריאט איז צו שוואך ארגאניזירט. דיא סאציאל דעמאקראטען זיינען אבער מיט זייער מיינונג ניט דורכגעקומען און דער גענעראל סטרייק איז בעשלאסען געווארען.

תיכף ומיד איז זשענעווא ערקלערט געווארען אהן שום גרונד אין קריעגס־צושטאנד. מען האט מאביליזירט סאלדאטען, מען האט פערבאטען פערזאמלונגען. אלע „פערדעכטיגע“ מענשען האט מען ארעסטירט און דיא אויסלענדער ארויסגעשיקט פון דער שווייץ. דיא שטאדט איז פערפלייצט געווארען מיט פאליציי, זשאנדארמען און שפיאנען. נעבען דעם טראמוויי־דיפא, האט א פאלקס־מענגע געווארט אויף א תשובה פון דער דירעקציאן; זיינען געקומען דראגונער מיט פאליציי און מען האט גענומען יאגען, שלאגען מכות רצח און ארעסטירען. א צוג פון ארבייטער טרעפט זיך אן מיט סאלדאטען. דער אפיציער פאדערט, מען זאל זיך צוגעהען; דיא פאדערשטע רייהען קענען ניט; דיא הינטערסטע הערען ניט; דער עולם ווערט צורייצט, ערביטערט, דיא סאלדאטען נעהמען דיא ביקסען אין דיא הענד און נאך איין מינוט און דיא שטיינער פון זשענעווא וואלטען געווארען רויט פון ארבייטער־בלוט, נאר צום גליק געלינגט אבער צו בערוהיגען דיא מאסע און מען צוגעהט זיך.

דיא ארבייטער זיינען טערראריזירט; א טהייל שטעלט זיך נאך 2 טעג צו דער ארבייט און צווינגט דערמיט דעם אנדערען טהייל צו טהון דאסזעלבע. און פון גאנצען סטרייק האט זיך גאר ניט אויסגעלאזען. 500-600 סאלדאטען האבען זיך ניט געשטעלט צו דער מאביליזאציאן; דער רעגיערונג איז אבער געווען אונבעקוועם צו מאכען אן אנקלאגע געגען אזא מאסע מענשען און מען האט אויסגעקליעבען נאר א קליינעם הויפעלע פון „פיהרערס“, וועלכע מען האט אבגע׳משפט צו געפענגנים שטראפען.

דיא זשענעווער ארבייטער האבען אפילו גענומען נאכהער ביי דיא וואהלען ראכע פון זייער ראדיקאלע רעגיערונג, וועלכע האט זיך געסטארעט איבערבעטען זיי, אבער דער זשענעווער סטרייק האט דאך איבערגעלאזען זעהר אונאנגענעהמע רעזולטאטען. ער איז געווארען דיא אורזאכע פון א פאלעמיק אין דער ס. ד. פ.

אין דער רעגיערונג, וועלכע האט ערקלערט זשענעווא אין קריעגס־צושטאנד, איז געווען א סאציאל־דעמאקראט. און זיין נאמען איז געווען אונטערגעצייכענט אויף דער בעקאנטמאכונג וואס איז אויפגעקלעפט געווארען אין דיא גאסען. דאס האט ארויסגערופען א גרויסען כעס ביי דיא ארבייטער און מען האט געפאדערט, ער זאל זיך אבזאגען פון זיין שטעללע. זיינע פריינד האבען איהם געוואלט פערטהיידיגען און דערביי זיינען איניגע געגאנגען אזוי ווייט, צו זאגען, אז ער איז געווען גערעכט; שולדיג אין אללעם זיינען געווען דיא אנארכיסטען.

דיא פאלעמיק האט זיך נאך ווייטער צושפונען.

אין 1903 זעהען מיר דיעזעלבע טרויעריגע ערשיינונג אין באזעל; עס ברעכט אויס א סטרייק און א סאציאל־דעמאקראטישער מיטגליעד פון דער רעגיערונג איז מסכים צו דעם בעשלוס פון דער רעגיערונג צו שיקען מיליטער. און אין ציריך גיט ארויס א סאציאל־דעמאקראטישער פאליציי־דירעקטאר ביי א סטרייק אזא אוקאז, אונטער וועלכען א רוסישער גובערנאטאר וואלט זיך אונטערגעשריעבען מיט ביידע הענד.

דיא ארבייטער פראטעסטירען געגען מיליטער־געברויך, פערלאנגען נייטראליטעט פון דער רעגיערונג, און זייערע פיהרער שרייבען לאנגע ארטיקלען אין דיא ס־ד צייטונגען, אין וועלכע זיי ערקלערען, אז מען דארף ניט שטעלען אזוינע פאדערונגען.

זייערע ארטיקלען זיינען ניט געבליעבען אהן ענטפער פון זייט פון דיא „ראדיקאלען“; אבער דיא פאלעמיק האט געהאט נאר א ליטעראַרישען ווערטה, ווארום דער לאזונג פון דיא מאססען איז געווארען: „ניעדער מיט דעם געברויך פון מיליטער ביי א סטרייק.“

אויף דעם פארטיי־טאג פון 1903 זיינען דיא וויכטיגסטע דעבאטען געווען ארום דעם מיליטאריזמוס. איניגע האבען געפאדערט פון דער ס.־ד. פראקציאן אין פארלאמענט, אז זיא זאל ניט בעווילליגען נייע אויסגאבען אויף מיליטער־זאכען און, אז מען זאל פארלעגען דעם פאלק א געזעץ, נאך וועלכען מען דארף ניט אויסגעבען מעהר וויא 20 מיליאן יעדעס יאהר אויף מיליטער און אויך, אז מען זאל ניט געברויכען קיין מיליטער ביי סטרייקס. אנדערע האבען געזאגט, אז וויא באלד אז מיליטאריזמוס איז נויטיג ביי יעצטיגער ארדנונג, מוז ער דאך זיין אימשטאנד צו טהון דאס, וואס ער דארף טהון: פערטהיידיגען דאס פאטערלאנד, און צו דיזעם צוועק דארף ער קענען קויפען נייע הארמאטען, ביקסען, א. ז. וו. אבער זיי זיינען אויך איינפערשטאנדען, אז מען דארף ניט געברויכען קיין מיליטער ביי סטרייקס.

דיא בעוועגונג געגען דעם מיליטאריזמוס האט דיא רעגיערונג געוואלט דערשטיקען דורך א געזעץ, נאך וועלכען עס ווערט בעשטראפט יעדע קריטיק אין מיליטער זאכען. דעם געזעץ האט מען פארגעלעגט דעם פאלק דעם 25טען אקטאבער 1903. אבער דיא רעגיערונג האט געהאט א גרויסען טעות, מיינענדיג, אז נאר סא־

ציאל־דעמאָקראַטען און איינינע אונצופריעדע־
נע, וועלען שטימען געגען דעם געזעץ; דער
געזעץ איז דורכגעפאלען מיט זעהר א גרויסע
מעהרהייט. דאָס שווייצער פאָלק האָט בעוויע־
זען, אז ווען עס פערכאַפּט ניט אזוי שנעל דיא
נייע פרייע אידעען, וועט עס זיך אזוי לייכט ניט
אבזאָגען פון אלטע, וויא פרייהייט פון פרעססע
און וועט זיך ניט בעשאַפען קיין נייע דעספּאָ־
טיא.

אונטערדעסען ווערט אָבער דער מיליטער־
געברויך ביי סטרייקס אלץ עפטער; וואו א
סטרייק, גלייך מיליטער און אָהן שום אורזאַ־
כע, אפילו קאָנסערוואַטיווע אָפיציערען האָבען
דאָס ניט געקענט בעגרייפען און האָבען אָנגע־
הויבען מורמלען:

וואָס זשע האָבען שוין געזאָלט זאָגען דיא
ארבייטער, וועמען דאָס געהט אן מעהר וויא
אלעמען? זאָלען זיי ניט פּראָטעסטירען?
אָדער פּראָטעסטירען בלויז דורך פערזאמלונגען
מיט רעזאָלוציאָנען, וואָס האָבען דאָך סוף־כל־
סוף קיין ווערטה ניט? אָבער א רעזאָלוציאָן,
ווייטער א רעזאָלוציאָן! וועמען וועט מען דאָ
איבערשרעקען?

און מען האָט געפונען א פּלאַן:

מען דארף זיך ניט שטעלען צום דיענסט,
ווען מען וויל שיקען געגען סטרייקענדע ארביי־
טער! דיא פּארטיי דארף אויפפאָרדערן אללע
איהרע מיטגליעדער זיי זאָלען דאָס טהון.

דער טריט שיינט אָבער צו זיין צו ראַדי־
קאַל. אין דעם בעריכט פון דער פּארטיי־לייטונג
פאר דעם יאָהר 1903-4 שרייבט זיא: מען פּאָ־
דערט אונז אויף פון פערשיעדענע זייטען, צו
דרוקען פּראָקלאמאציאָנען, מכח דיענסט־פער־
ווייגערונג ביי סטרייקען. דאָס קענען מיר ניט
טהון, ווייל מיר קענען ניט איבערנעהמען אויף
אונז דיא מאָראַלישע און מאַטעריעללע פער־
אנטוואָרטליכקייט דאפיר. דאָס איז נאָך אונזער
מיינונג א געפיהל־זאַך, וואָס איז שייך צו אויפ־
רופען פּראָטעסט־פערזאמלונגען, זאָגען מיר, אז
אזוינע פּראָטעסט־פערזאמלונגען מאכען קיין
שום ווירקונג ניט.“

אלזאָ וואָס זאָל מען טהון? דער פּארטיי־
טאַג פון 1904 גיט קיין קלאָהרע תשובה אויף
דיעזע ברענענדע פראגע ניט, ער בעשליסט מען
זאָל פאָרדערן דעם פערבאָט צו געברויכען מילי־
טער ביי סטרייקס. אָבער וואָס זאָל מען דער־
ווייל טהון? אייניגע פאָרדערן, אז דיא פּאר־
טיי זאָל עס ניט דערלאָזען מיט אלע מיטלען;
אנדערע, ווידער זאָגען, אז יעדער גענאָסע,
וואָס פערווייגערט דעם דיענסט, זאָל אונטער־
שטיטצט ווערען דורך די פּארטיי. דער פּארטיי־
טאַג נעהמט קיינע פון דיא ביידע פאָדערונגען
ניט אן. און גיט אן עצה דיא ארבייטער ניט צו
זיין מיטגליעדער אין קיין שום ־ פעראיינען, ד.
ה. מיט אנדערע ווערטער, ברוגז ווערען מיט
דעם מיליטאַריזמוס.

דיא פראגע וועגען מיליטעריזמוס איז גע־
וואָרען דיא וויכטיגסטע, וועגען איהר גרויסע
בעדייטונג. דיא סאָציאל־דעמאָקראטישע פּאר־
טייען פון בערן און ציריך פאָרדערן דיענסט־
פערווייגערונג; דיא לוצערנער פּאַרטיי איז
אפילו דאגעגען, נאָר ניט פּרינציפּיעל, נור, ווייל
זיא רעכענט, אז דיא פּארטיי וועט ניט קענען
אויסהאַלטען אלע, וואָס פערווייגערן דעם גע־
האָרכזאַם. אייניגע גרופּען זיינען דאגעגען אויס
פּאַטריאָטיזמוס.

אום צו מאכען א סוף ווערט בעשלאָסען
צונויפצורופען אין 1905 א פּארטיי־טאַג, וואָס
זאָל זיך נאָר בעשעפטיגען מיט דער מיליטער־
פראַגע.

א נייע פּראָגראם, וואָס א קאָמיסיאָן
האָט אויסגעארבייט, נאכדעם, וויא דיא פּארטיי
איז רעפאָרמירט געוואָרען איז פאָרגעלעגט גע־
וואָרען אויפ'ן פּארטייטאַג פון יאָהר 1904.

„דיא שווייץ, — לעזען מיר אין דיעזען
זעהר אינטערעסאַנטען פּראָגראם, — איז געוואָ־
רען פון א בויערליך־קליינבירגערליכעס לאַנד א
אינדוסטריעללעס... דיא עקאָנאָמישע רעוואָלו־
ציאָן האָט מיט זיך געבראַכט א פּאָליטישע. דער
בלוטיגער קאַמפּף פון דער בורזשואזיע געגען די
אריסטאָקראטיע האָט געבראַכט דעמאָקראטישע
איינריכטונגען און דעם צענטראליזירטען בונ־
דעם שטאַאט פון 1848. אָבער נישט קוקענדיג
אויף דיא דעמאָקראַטיזירונג און פערגרעסערונג
פון דעם נאַציאָנאַל־רייכטהום לעבען גרויסע
מאסען פון דעם שווייצער פאָלק אין ארימקייט
און גרעסטער אבהענגיגקייט. דער קאַמפּף אום
די עקסיסטענץ ווערט מיט שטייגערנדער ער־
ביטערונג געפיהרט. דיא קאַפּיטאַליסטען ברויי־
כען זייערע קראַפט, כדי ניט צו לאָזען דיא אר־
בייטער בענוצען זייערע רעכטע, וויא דאָס פער־
איינס־רעכט. דיא אורזאכע איז דער קאַפּיטאַ־
ליזמוס. דיא מאשינע זיעגט איבער דעם האנד־
ווערק; דער מיטעלשטאַנד געהט איבער צום
פּראָלעטאַריאַט. וואָס דיא מענשליכע ארבייט
ווערט פּראָדוקטיווער דורך בעסערע אויסניצונג
פון נאַטור־קרעפטען, דורך פערבעסערונג פון דיא
מאשינען, אלץ בעסער געהט עס דיא קאַפּיטאַ־
ליסטען...

אין דער לאַנד־ווירטהשאַפט איז דער קאַ־
פּיטאַליזמוס ניט אזוי שטאַרק; אָבער אויך דיא
לאַגע פון דיא בויערן איז נאָך דעם איבערגאַנג
פון נאַטוראַל־ווירטהשאַפט צו געלד־ווירטשאַפט
געוואָרען א אונזיכערע. דיא צאָהל פון דיא
זעלבסטשטענדיגע לאַנדווירטען ווערט אלץ קלע־

נער; איין טהייל עמיגרירט נאָך אמעריקא, דער אנדערער פּראָלעטאריזירט זיך... די שווייצערישע ס. ד. פּ. שטרעבט דערצו, אַז אינדוסטריע, האנדעל און טראנספּאָרט זאָלען איבערגענומען ווערען פון שטאאט. דאָס איז דער איינציגער וועג איינצופיהרען דיא סאָציאַליסטישע אָרדנונג. כדי צו זיין אים שטאַנד דאָס אויסצופיהרען, שטרעבט זיא צו דער פּאָליטישער מאכט... זיא פערטהיידיגט ענערגיש דיא פּרייהייטס־רעכטע פון דעם פּאָלק, נאכדעם וויא דיא בורזשואזיע האָט זיך אבגעזאָגט פון איהרע אמאָליגע אידעאַלען. פאר דיא לאַנד־ווירטהשאפט פּאָרדערט דיא פּארטיי, אז דער שטאאט זאָל איהר אונטערשטיצען. אַלע פּאָרטשריטע, וועלכע געבען דעם קליין־בויער דיא פּאָרטהיילע פון א גרויס־קאפּיטאַליסטען (געמיינזאמע שפּייכלער פאר סחורה, געמיינזאמע האַלטען פון פיה, געברויך פון מאשינען.) אזוי וויא אונזער לאַנדווירטהשאפט האָט א קליינבויערליכען כאראקטער, קען זיא ניט ווערען דער אייגענטהום פון דער שטאאט. דיא ס. ד. דאַרף אָבער פּאָרדערן דיא פערשטאאטליכונג פון היפּאטאקען (דיא שולדען אויף דיא ערד) כדי צו מאַכען לייכטער דעם בויער צאָהלען זיינע צינזען.

דער פּאָליטישער קאמפּף ווערט ערגענצט דורך דעם עקאָנאָמישען. ערסטענס קענען דיא ארבייטער דורך דעם קאמפּף פערבעסערען זייער לאַגע, צווייטענס איז דיא פּראָפעסיאָנעלע ארגאניזאציאָן א שולע, אין וועלכער דער פּראָלעטאַריאט לערנט זיך צו פיהרען דיא סאָציאליסטישע אָרדנונג... דיא שווייצערישע ס. ד. פּארטיי אונטערשטיצט דיא גענאָסענשאפטען (קאנסום־פעראיינע, קאאפּעראטיווע־פעראיינע) ווייל זיי רעגולירען ניט נאָר דיא פּרייזען, נאָר דאמיט, וואָס זיי נעהמען דיא פּראָדוקציאָן פון אזוינע ארטיקעל, וואָס אויף זיי איז דאָ א גרויסע נאכפראגע, מאכען זיי א וועג דער סאָציאַליזירונג פון דעם פּראָדוקציאָן... דיא ס־ד. פּ. איז ניט א ריין פּאָליטישע פּארטיי, זיא איז דער פאהנענטרעגער פון א גרויסען קולטור־קאמפּף דער ארבייטענדען קלאַסע, א קאמפּף, כדי צו דערגרייכען אללע מענשענרעכטע און נעהמען א טהייל אין אלעם, וואָס דיא מענשליכע קולטור האָט געשאפען. דיא שווייצערישע ס־ד. פּ. קעמפּפט צוזאמען מיט דיא סאָציאַליסטישע פּארטייען פון אלע לענדער פאר פערניכטונג דער קלאססען־הערשאפט, אום איינצופיהרען אנשטאט דעם דיא סאָלידאריטעט פון אלע פעלקער. דאדורך בעפרייט זיא דיא קאפּיטאליסטישע וועלט פון דעם פלוך דעם מיליטעריזמוס און דעם קריעג....

אין אָקטאָבער 1905 זיינען פּאָרגעקומען דיא וואהלען אין פּארלאמענט. דיא ס־ד. האָבען נאָך קיינמאָל ניט געהאט אזא „שלעכטע" צייט וויא יעצט. דיא בורזשואזי איז געווען אויפגעבראַכט געגען איהר צוליעב פערשיעדענע אורזאַכען. „מיר וועלען זיי לערנען בלק," האָבען זיי געשריען, „מיר וועלען זיי ווייזען! קיינער פון אונז וועט ניט שטימען פאר זיי, זיי מוזען ארויס פון דעם פּארלאמענט; דאָרטען איז פאר זיי קיין אָרט ניט!" אין א משך פון איניגע חדשים פאר דיא וואהלען האָט מען געגאָסען פּעך און שוועבעל אויף דיא פּארטיי. מען האָט געקענט מיינען, אז עס געהט דער בורזשואזיע אום לעבען, אז ווען דיא ס־ד. וועלען ניט דורכפאלען ביי דיא וואהלען, איז א סוף מיט דער בורזשואזער ארדנונג אין דער שווייץ.

מעהר וויא איבער אלעם האָט זיך דיא בורזשואזיע געקאָכט איבער דער אנטי־מיליטעריסטישער פּראפּאגאנדא, וועלכע זיא אליין האָט ארויסגערופען דערמיט, וואָס ביי יעדען סטרייק, ביי יעדעם קאָנפליקט מיט די ארבייטער פלעגט זיא באלד פּאָרדערן פון דער רעגיערונג פּאָליציי, מיליטער און אויסנאהמס־געזעץ. מיט שרעק האָט זיא געזעהן, וויא די אידעע נישט צו פּאָלגען, ווען מען וועט שיקען געגען סטרייקענדע ווערט אלץ פּאָפּולערער צווישען דיא ארבייטער; און אז דער פּארטיי־טאָג, וואָס האָט געדארפט צונויפקומען אין פעברואר 1906, האָט ניט נאָר ניט געהאט בדעה ארויסצוטרעטען געגען דיא פּראפּאגאנדא, פארקעהרט, מען האָט געקענט זעהן, אז ער וועט אננעהמען און מאכען צו פפליכט פון אללע מיטגליעדער ניט צו פּאָלגען.

דאריעבער האָט דיא בורזשואזיע בעשלאָסען זיך אָבצורעכענען, וויא געהעריג, ביי דיא וואהלען מיט דיא ס—ד. זיי עוקר מן השורש זיין, אנלערנען זיי איין מאָל פאר אלע מאָל. עס האָבען זיך פעראייניגט אלע בירגערליכע פּארטייען און צוטהיילט צווישען זיך דיא מאנדאטען; קיין איינציגען ס־ד. האָבען זיי ניט געוואָלט אריינגעהמען אין זייערע וואהל־ליסטען. דיא ס־ד. האָבען זיך אזוי געמוזט פערלאָזען אויף זייערע אייגענע קרעפטען און אויף דיא שוואכע דיסציפּלין און אונאייניגקייט אין דיא בירגערליכע פּארטייען.

און ניט קוקענדיג אויף קיין זאך זיינען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען מוטהיג אריין אין דעם קאמפּף. זיי האָבען גערעכענט זאָגאר געווינען נאָך איניגע מאנדאטען.

זיי האָבען גערעכענט, אז דיא אפטע צוזאמענשטויסונגען צווישען קאפּיטאַל און ארבייט אין דער לעצטער צייט האָט דאָך בעוויע־

זען דעם פּראָלעטאַריאַט, װער זײנען זײנע פײנד, און װער עס איז אימשטאַנד צו פערטהײדיגען זײנע אינטערעסען.

זײ האָבען זיך אין זײערע ערװאַרטונגען אויף דעם פּראָלעטאַריאַט אפילו נישט אָבגענאַרט; זײערע קאַנדידאַטען האָבען געקראָגען כמעט אַלע מעהר שטימען, װיא בײ דיא פריהערדיגע װאַהלען. אָבער דיא בירגערליכע רעאַקציאָן איז געװען צו שטאַרק; און דיא ס־ד. האָבען, ניט קוקענדיג אויף דעם צואװאוקס פון דיא שטימען, געהאַט אַ פאָלשטענדיגע ניעדערלאַגע; זײ האָבען פערלאָרען 5 דעפּוטאַטען, און דיא איבעריגע 2 זײנען אויך שיער ניט ארויסגעפלויגען.

דיא שמחה פון דער בורזשואזיע איז געװען אונבעשרײבליך: שטאָלץ און זיכער איז געװען בײ זיך דיא בורזשואזיע דיא ערשטע צײט נאָך דיא װאַהלען. עס זײנען אָבער אריבער דיא שבעה ימי משתה און דיא בורזשואזיע האָט זיך געמוזט איבערצײגען, אז „דיא שטימע פון דעם פאָלק" האָט װעניג װירקונג אויף דיא ס—ד. דיא אנטי־מיליטעריסטישע „חוצפּה" איז געװאָרען נאָך גרעסער, און אויף דעם פּאַרטײטאָג אין פעברואַר 1906 איז אנגענומען געװאָרען אַ רעזאָלוציאָן, װעלכע גיט אַלע פּאַרטײ־גענאָסען דיא עצה ניט צו פאָלגען, װען מען װעט זײ שיקען געגען סטרײקענדע.

דער ענטפער פון דער רעגיערונג איז געװען אַ געזעץ, לויט װעלכען עס װערען ארויסגעשיקט פון דער שװײץ אַלע אויסלענדער, װעלכע װעלען טרײבען אנטי־מיליטעריסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ. פאַר איהרע אײגענע אנטי־מיליטעריסטען פּראָיעקטירט זיא אַ אַנדער געזעץ, װעלכער װעט בעשטראַפען יעדע שאַרפע קריטיק געגען דער אַרמײ. דער געזעץ איז פאָרגעלעגט געװאָרען דעם פאָלק שוין אײן מאָל, אין 1903 און איז דורכגעפאַלען. „יעצט אָבער — שרײבט אַ בירגערליכע צײטונג, —װען דיא געפאַהר פון דעם אנטי־מיליטעריזמוס איז אזוי גרויס, װעט דער רעזולטאַט פון דער אבשטימונג זײן אַן אַנדערער." געװיס זײנען דיא שאַנסען פון דיא שװײצערישע „מיליטעריסטען" יעצט גרעסער, װיא דאַמאַלס; עס איז אָבער אַ פראַגע, צו װעט דער נײער געזעץ אויפהײבען דעם מוטה פון דער אַרמײ, װאָס פאַללט אַלס ניעדריגער צוליעב איהר פאָליצײליכען כאַראַקטער? ער װעט גיכער שאַפען געגען איהר אַן אָפּאָזיציאָן אפילו פון בורזשואזנער זײט.

אָט אזוי שטעהט היינט דיא שװײצערישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין מיטען פון ערנסטע קעמפפע, אלײן אין שלאַכטפעלד פאַר דיא רעכטע און פרײהײטען פון פּראָלעטאַריאַט. אלײן אין קאַמפף פאַר דעם גײסטיגען און סאָציאַלען פאָרטשריט פון דער שװײץ.

דאָס לעצטע וואָרט.

אונזער טהעטיגקייט אין דער „צוקונפט“ איז געענדיגט. א יאָהר זעלבשטענדיגער פיהרונג פון זשורנאַל, א יאָהר שווערער ארבייט ליעגט הינטער אונז. וואָס איז דער סך־הכל ?

פאר א־יאָהרען אין דער צייט, ווען מיר האָבען איבערגענומען דיא רעדאַקציאָן, האָבען מיר געגעבען אונזער שבועה : „צו מאַכען דיא „צוקונפט“ פאר אן ערנסטען סאָציאַליסטישען זשורנאַל.“

מיר האָבען זיך ניט גענאַרט. מיר האָבען געוואוסט, אז דאָס איז זעהר א שווערע אויפגאַבע. „מאַכען א ערנסטען סאָציאַליסטישען זשורנאַל“ ! דערצו דאַרף מען דאָך האָבען דיא שטיטצע, דיא סימפּאטהיען פון ערנסטע סאָציאַליסטישע לעזער ; דערצו דאַרף מען דאָך האָבען דיא מיטווירקונג פון ערנסטע סאָציאַליסטישע שרייבער. און פאר אונז איז געשטאַנען דיא ביטערע, טרויעריגע ווירקליכקייט און מיר האָבען זיך געפרעגט : צו זיינען גאָר דאָ ביי אונז ערנסטע אידישע סאָציאַליסטישע לעזער ? צו זיינען גאָר דאָ ביי אונז ערנסטע סאָציאַליסטישע שרייבער?

דיא סאָציאַליסטישע לעזער האָבען א לאַנגע צייט געגעבען זייער הסכמה און זייער שטיצע צו כל המינים שונד, ווילדע סענסאציאָנען און אויבערפלעכליכע, אונוויסענדע פּלוידעריי. אונזערע סאָציאַליסטישע שרייבער — וויא פיעל זיינען דאָ ביי אונז פעהיגע סאָציאַליסטישע שרייבער מיט פיעל וויסען, מיט ערנסטע קענטניסע, וואָס זאָלען וועלען און קענען זעלבסטשטענדיג און טיעף בעהאַנדלען פראגען פון טהעאָריע און פון לעבען ?

וואו נעהמט מען סאָציאַליסטישע שרייבער? וואו נעהמט מען סאָציאַליסטישע לעזער ?

מיר האָבען אָנגעהויבען זוכען ערנסטע, געבילדעטע סאָציאַליסטישע שרייבער, און יגעת ומצאת. מיר האָבען זיי אפילו געמוזט אָפּט זוכען אויסער דעם תהום פון אונזער „טרייד“. מיר האָבען זיי געמוזט זוכען פון ווייט מעהר וויא פון נאָהענט. מיר האָבען אָבער זיי געפונען.

מיט זייער הילף זיינען מיר געווען אימשטאַנד צו ערפילען אונזער פארשפּרעכען, און צו „ערקלעהרען און בעלויכטען פון אן ערנסטען סאָציאַל־דעמאָקראַטישען שטאַנדפּונקט אלע וויכטיגסטע פּאַסירונגען פון דיא גרויסע וועלטקעמפּפע צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט, צווישען פּראָלעטאריער אלער לענדער געגען זייערע הערשער, אונטערדריקער און עקספּלואטאטארס.“

דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג, דיא ארבייטערקעמפּפע אין אמעריקא, רוסלאַנד, ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, שווייץ, איטאַליען זיינען בעהאנדעלט געוואָרען מיט פערשטענדניס, טיעפקייט און אויספיהרליכקייט און ספּעציעלע אונטערזוכונגען פון מענשען מיט קענטניסע און פעהיגקייטען.

מיר האָבען פארשפּראָכען צו געבען „אמת’ע וויסענשאַפט,“ „צו וועקען אין דיא לעזער דעם זעלבשטענדיגען, דיינקענדען גייסט, דעם סאָציאַליסטישען גייסט,“ „צו קוקען מיט אָפענע אויגען אויף אלע אַנדערע פּאַסירונגען אין אידישען פאָלק,“ און „צו העלפען שאַפען א ריינע, גוטע, געזונדע אידישע ליטעראַטור און א געזונדע, ערנסטע, בעלעהרענדע קריטיק“.

מיט צופריעדענהייט קענען מיר היינט זאָגען, דיא אַלע אויפגאַבען זיינען אין דער „צוקונפט“ ביז צו א גרעסערער אָדער קלענערער מדרגה אין פערלויף פון יאָהר ערפילט געוואָרען. דיא וויכטיגסטע לעבענס־פראַגע פון אידישען לעבען בכלל און פון אמעריקאנער אידישען לעבען בפרט, דיא אימיגראַציאָנס־פראַגע איז פערהאַנדעלט געוואָרען מיט ערנסטקייט און קענטניס, מיט פיעל פאקטען און וויסענשאַפטליכקייט אין דיא ארטיקלען פון דר. רובינאָוו. זעהר זעלטען האָבען דיא אידישע לעזער געהאט דיא מעגליכקייט צו לייענען א סעריע ארטיקלען איבער אמעריקאַנער פּאָליטישע צושטענדע, געשריבען מיט אזוי פיעל פערשטענדניס וויא דיא סעריע ארטיקלען פון נחום צדק. דיא „מאָדרנע“ מוניסיפּאַל־אונערשיפּ בעוועגונג איז אין אונזער זשורנאַליסטיק נאָך ניט אזוי גרינדליך און פּרינציפּיעל אונטערזוכט געוואָרען, וויא אין דער סעריע ארטיקלען פון ת. ראָטשטיין. זאקס געשיכטע פון דער פּאָליטישע עקאָנאָמיע — בלייבט דערווייל דאָס איינציגע סיסטעמאטישע וויסענשאַפטליכע ווערק איבער דער טהעמא אין אידיש. דר. גירזשדאַנסקי’ס סעריע ארטיקלען זיינען געווען אי בעלעהרענד און אנציהענד.

און טאַקע דיא ליטעראטור. מיר האָבען געזעהען, אז אונזערע אלטע ליטעראַרישע קרעפטען זיינען שוין אַלט און שטאַרבען ביסלאַכוויז אָפּ, אויב ניט פיזיש, דאָך, יערענפאלס, גייסטיג. און מיר האָבען זיך דערפאר בעשלאָסען צו געבען

יעדען נייעם שרייבער, ביי וועלכען עס באמערקט זיך א פונק פון טאלאנט און פעהיגקייט, מעג־ליכקייט זיך צו ווייזען פאר די לעזער. מען האט אונז פארווירפע געמאכט פאר דעם. מען האט אויפגעוויזען, אז ניט אלעס איז פערלן אין דיזער אבטהיילונג. מיר האבען דאס געוואוסט ניט וויי־ניגער, וויא דיא אפענע און בעהאלטענע קריטי־קער. מיר האבען אבער אונזער אויפגאבע געגנ־מען פיעל טיעפער און ערנסטער: אויב מען זאל ניט ארויסהעלפען נייע טאלאנטען, אויב מען זאל דורך פריינדשאפטליכע מיטהילפע און ער־מונטערונג ניט דערלייכטערן דיא געבורטס־וועה־ען פון נייע ליטערארישע קרעפטען, דאן קען אויף לאנגע יאהרען דיא פעלד פון דער אידישער ליטעראטור נאך בלייבען אונבעארבייט און האלב וויסט. צבער געבענדיג אויך שוואכערע, אָריגי־נעלע ליטערארישע זאכען, האבען מיר דערפאר בעלוינט דיא לעזער מיט דיא גרויסע קונסט־ווערק, דיא צוויי פערלען פון דער וועלט לי־טעראטור און פאעזיע, „הייאוואטהא" און „ארזארעט". אויך מאררים ווינטשעווסקי'ס ערינערונגען און איניגע פון אריגינעלע פאעזיען און ערצעהלונגען וועלען פערבלייבען א שעהנער דענקמאל אין דער אידישער ליטעראטור.

אין דער קריטישער אבטהיילונג האבען מיר געהאט דיא מעגליכקייט צו געבען דיא לעזער דיא אויסגעצייכענטע כאראקטעריסטיקען פון יעקב גארדין, דיא טיעפע קריטיק פון ל. בור־דיאנאוו, דיא גרעסערע ארבייטען פון י. ענטין און אלעקסאנדראוו און א גאנצע רייהע פון קלענערע רעצענזיאנען.

אָט אזוי האבען מיר אין פערלויף פון יאהר ניט אויפגעהערט צו זוכען נייע קרעפטען, נייע מיטארבייטער. און מיר האבען זיי געפונען: אין ניו־יארק, אין וואשינגטאן, אין לאנדאן, אין דייטשלאנד, אין דער שווייץ, אין קאלאראדא, איבעראל האבען מיר געזוכט, איבעראל האבען מיר זיי געפונען צוזעעט און צושפרייט. איניגע פון אונזערע נייע מיטארבייטער האבען לאנג פארלאזען דיא אידישע זשורנאליסטיק, אנדערע זיינען דיא גאנצע צייט טהעטיג אין אנדערע לי־טעראטורען און שרייבען ניט קיין אידיש, אדער שרייבען שלעכט אידיש. מיר האבען אבער געדרינגט, אז מתפללים בכל לשון. דער עיקר איז נור אז דער שרייבער זאל וויסען דיא זאך וועגען וועלכע ער שרייבט, און דיא לעזער פאר וועלכע ער שרייבט.

שווער וויא קריעת ים סוף איז אונז געווען צו קענען וויא פיעל עס איז באפריעדיגענד ער־פילען אונזער אויפגאבע, און צו קריגען אזוינע מיטארבייטער, וועלכע זאלען קענען „מאכען דיא „צוקונפט" פאר אן ערנסטען סאציאליסטישען זשורנאל." אבער דערפאר איז פיעל לייכטער, איידער מיר האבען אליין זיך פארגעשטעלט, אונז אנגעקומען צו מאכען ערנסטע סאציאליסטישע לעזער.

עס איז אונזער שטאלץ, עס איז אונזער העכסטע באפריעדיגונג, וואס כאטש דיא „צו־קונפט" איז אונטער אונזער רעדאקציאן געבלי־בען טריי צו איהר אויפגאבע: „צו זיין דער סא־ציאליסטישער לעהרער און אויפקלעהרער פון דיא אידישע ארבייטער." האט זיא געפונען זעהר פיעל נייע אנהייגנער און לעזער.

עס וועט וואהרשיינליך זיין א גרויסע אי־בערראשונג, פאר דיא לעזער זיך צו דערוויסען, אז דיא „צוקונפט" איז אין פערלויף פון דעם יאהר סיסטעמאטיש געוואקסען אין צירקולאציאן, און איצט, ווען מיר טרעטען ארויס פון „צו־קונפט", גיבען מיר איבער דעם זשורנאל צו זיינע בעלי־בתים מיט א צירקולאציאן פארגרעסערט אויף 70—75 פראצענט.

דאס איז זעהר א גרויסע מאראלישע בע־לאהנונג און בעפריעדיגונג פאר אונז. דאס איז א גרויסער טרייסט און א שטארקער ליכט־שטראהל פאר אונזער גאנצע אידישע סאציאליס־טישע בעוועגונג. און ווען עס וועלען קומען דיא מקטרגים פון אינעווייניג און פון אויסוויינינג און וועלען פארברייגען זעהר גרויסע, שווערע אנ־קלאגע געגען דיא צושטענדע אין אונזער אידי־שער סאציאליסטישער בעוועגונג, דאן פארגעסט ניט אויף דעם וואוקס און דיא ענטוויקלונג פון דער צוקונפט ארויפצולייגען אויפ'ן וואגשאל.

אונזער טהעטיגקייט אין דער „צוקונפט" איז געענדיגט. און אונזער לעצטעס ווארט איז א ווארעמער דאנק פון טיעפען הארצען צו אונ־זערע מיטארבייטער די נייע און די אלטע און צו אונזערע לעזער, די נייע און די אלטע פיר זייער גייסטיגע און מאראלישע סימפאטיען און שטיצע.

יא, עס זיינען דא ביי אונז ערנסטע סאצי־ליסטישע שרייבער, עס זיינען דא ביי אונז ערנ־סטע סאציאליסטישע לעזער, דאס איז דיא איי־ציגע אנגענעהמע ערפאהרונג און לעהרע, וועלכ עס האט אונז געגעבען א יאהר טהעטיגקייט אי דער „צוקונפט!"

דר. ק. פארנבערג.

WELLS BINDERY INC.
WALTHAM, MASS.
JAN. 1970

DOES NOT
CIRCULATE
418201